STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05292

# IN GANG FUN GESHEENISHN

David Sztokfisz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

דוד שטאקפיש

# אין גאנג פון געשעענישן

ISBN:0-657-05292-2

דוד שטאָקפיש

# אין גאַנג פון געשעענישן

דוד שטאָקפיש

# אין גאנג פון געשעענישן

זאַמלונג פון 260 אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן,
אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס,
דערשינען אין די יאָרן 1945—1980
אין דער ישראלדיקער און אויסלענדישער פרעסע

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש-שאַפונג
תל-אביב, תשמ"ג — 1982

DAWID SHTOKFISH

# AS THINGS TURNED OUT

דוד שטוקפיש

# במהלך האירועים

Printed in Israel, 1982
נדפס בישראל, תשמ״ג

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str., Tel-Aviv, P.O.P. 1777

פאַרלאַג „ישראל־בוך״
הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג אין לאַנד
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת.ד. 1777

דפוס „אורלי״ — פרידמן, תל־אביב, טלפון: 332062



צייכענונג: נאַטעק אַקערמאַן, שטאָקהאָלם, 1980

***

איידער מען עפנט אַ בוך פון אַזאַ פאַרנעם אין טעמאַטישן זין פון מדינה׳ש־געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן כאַראַקטער: אַלגעמיינע פּראָב־לעמען, גרעסערע און קלענערע געשעענישן און זייערע אויסווירקונגען; מדינת ישראל און די תפוצות; חורבן און חורבן־ליטעראַטור, קולטור־פראַגן — איז כדאי קודם אַ קוק טאָן אין דער מעטריקע פון מחבר. און דער פובליציסט און זשורנאַליסט דוד שטאָקפיש מאַכט כלל נישט קיין סוד דערפון. פון זיין קורצן פאָרוואָרט דערוויסן מיר זיך, אַז „אָט־אָט דערנענטערט מען זיך צו די זיבעציק״.

דאַרף מען, בכן, צוגעבן, אַז עס רעדט זיך אויך וועגן אַ שטיקל — אפשר מער ווי אַ שטיקל — פערזענלעכן חשבון הנפש פון אַ מענטש, וואָס אויסער זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט, איז ער איינער פון די אָנפירער און אַקטיווע חברים פון אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַווע־גונג, וואָס האָט אַ גרויסן חלק אין יסוד־לייגן און אין אויפבוי פון מדינת ישראל.

העכער דרייסיק יאָר — און אויך ביזן קומען אין לאַנד — ווידמעט זיך דער מחבר מיט ראָט און טאַט, בעל־פה און בעל־פען, בלב ובנפש דער דאָזיקער זאַך. מ׳קאָן דעריבער דרייסט זאָגן, אַז אָט דער „פערזענ־לעכער חשבון הנפש״ איז אויך, אפשר בעיקר, אַ כללישער און פון אַ דור פון מחבר, און במילא — פון היסטאָרישער חשיבות.

דאָס איז אַן איינזאַמלונג פון בעסטן וואָס דוד שטאָקפיש האָט עד היום פאַרעפנטלעכט: דאָס סאַמע תמציתדיקע פון זיינע וויכטיקע און וואָגיקע מאמרים, ווי געזאָגט — פון ברייטער פאַרנעמיקייט און פון פאַרשידנאַרטיקער פּראָבלעמאַטיק, פון דאָ און דאָרטן, העכער אַ יובל יאָרן.

דער מחבר „מאַכט אַ נורעק״ אין שטח און אין צייט, אַזוי רייך אין געשעענישן. שילדערט, דערציילט, קאָמענטירט, טייטשט אַריין און טייטשט אַרויס, מיט וויסן און געוויסן פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער פון בכבודיקער מדריגה און שרייבערישער יכולת.

געלעבט, געלערנט, זיך דערצויגן אין אַ לינק־ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דער מחבר, צו זיין גוירשנטער פעיקייט צו זען זאַכן אין זייער אמתער ליכט, אויך דעראָבערט אָט די קינסטלערישע יכולת און דעם חוש פון דערגרונטעווען זיך צום שורש פון זאַכן. עס דינט אים דערצו זיין שאַרף אויג, דער שכל הישר, זיין פּאָליטישע השקפה און די מידה פון גערעכטיקייט. אָט די עלעמענטן זענען ביי אים געוואָרן, קאָן מען זאָגן, אַ צווייטע נאַטור אין זיין אומ־דערמידלעכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דוד שטאָקפיש האָט אויך אַן אויער פאַר אַ גוט ליד, אַ שיינע דער־ציילונג, רעדאַקטאָר פון אַ 20 יזכור־ביכער, נישט נאָר רעדאַקטירט און קאָרעגירט, אלא אויך זיין שרייבערישן חותם שפירט מען אין זיי. אויסער דעם האָט ער איבערגעזעצט פון עברית אויף יידיש:

א. „די זעקס טעג פון יד מרדכי" — מאַרגאַרעט לאַרקין.

ב. „דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט" — מרדכי אורן (2 בענד).

ג. „שיח לוחמים" („שמועסן פון קעמפערס"), כמעט אַ העלפט פון 320־זייטיקן בוך.

דער מחבר איז וואויל־באַקאַנט דעם לייענער־עולם פון דער יידישער פּרעסע אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אין זיינע שליחותן פון דער באַוועגונג פלוס „טרעמפּן" פון קולטורעלע, ליטעראַרישע קערפּערשאַפטן, וואָס ער פירט אויס מיט אחריות פון אַ געזעלשאַפטלעכן עסקן — האָט ער געהאַט די געלעגנהייט נענטער באַקענען דאָס לעבן פון די יידן אין די תפוצות און אויך איבערגעבן זיי אַ לעבעדיקן גרוס פון ישראל.

דוד שטאָקפיש האָט וואָס צו זאָגן און ווייסט ווי אַזוי צו זאָגן. אויב ער האָט ביז היינט געוואַרט מיטן אַרויסגעבן די זאַמלונג, איז עס נישט עפּעס אַנדערש ווי מחמת — באַשיידנקייט. ערשט אַז די מעטריקע האָט אים דערמאָנט, אַז אָט־אָט ווערט ער אַ בן שבעים און — עבודה רבה והזמן קצר — איז רייף געוואָרן ביי אים דער באַשלוס פון געבן זיינע מאמרים אַ „היום" צווישן טאָוולען.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען בפּרטיות די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען און געשעענישן, וואָס אַ סך פון זיי האָבן בשעתו אויפגע־רודערט די געזעלשאַפטלעכע עפנטלעכקייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אגב, האָט דער מחבר געזאָרגט דערויף און דערלאַנגט אין בוך אַן אויס־שעפלעכע רשימה פון אָפּטיילונגען און אינהאַלט־פאַרצייכעניש.

דאָס בוך „אין גאַנג פון געשעענישן" איז נישט קיין באַשרייבונג פון „אַ גאַסט אויף אַ ווייל וואָס זעט אויף אַ מייל", אלא אַן אויסדרוק און פועל־יוצא פון לאַנגע יאָרן מיפּולע, ברייט־פאַרצווייגטע אַרבעט פון אַ מענטש, וואָס איז פון זיין פריסטער יוגנט געוואָקסן צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי, מיט דער אידעע, מיט דער באַוועגונג און פון איר שעפּט ער עד היום אַספּיראַציע. זיין זעען, שרייבן און באַשרייבן איז, בכן, פון אינעווייניק — און פון דאַנען דאָס אָטעמען פון זיינע מאמרים מיט טיפער חברשאַפט, מיט צוגעבונדנקייט צו דער אידעע, צו דער באַוועגונג מיט וועלכער ער איז געוואָקסן.

עס איז אַ האַרעפּאַשנע און אויפריכטיק בוך, אַרומנעמיק און געזעל־שאַפטלעכן און פּערזענלעכן זין, און טראָגט דעם חותם פון איינעקייט און האַרמאָניע.

שלמה וואָרזאָגער

דעצעמבער, 1982

# אַ וואָרט פון מחבר

אַז איר ווילט, איז די זאַמלונג אַ שטיק געשיכטע פון די ערשטע דרייסיק יאָר מדינת ישראל. און אַזוי ווי דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען צו זיין אייניקע מאָל אין די תפוצות, זענען דאָ אַריין אויך שילדערונגען פון יידישן לעבן אין דער דיאַספּאָראַ. דער אָנרעג דערצו איז געווען די „מעטריקע", אַז אָט־אָט ווערט מען אַ בן שבעים. און די שפּע אינעם אַרכיוו האָט אינספּירירט, עלעהיי אַ בקשה: צו וואָס דאָס יחידישע, אַז דער דאָזיקער אָפּקלייב איז פון כלל׳ישן כאַראַקטער?! צו וואָס שרייבן וועגן זיך (אויטאָביאָגראַפיע בלע״ז), אַז מ׳קאָן נעמען פון גרייטן און שילדערן פון זיך — קאָמענטאַרן, רעאַגירונגען און אָפּשאַצונגען איבער געשעענישן און אַנטוויקלונגען אין מדינת ישראל און אויסער אירע גרענעצן? און ס׳איז טאַקע אַן אָפּקלייב, ווייל כמעט אַ דריטל פון די אויפגעהיטענע אַרבעטן, זענען נישט אַריין אין דער זאַמלונג.

דער ספר איז געבויט אויף זיבן אָפּטיילונגען: 1. ישראל, אירע שכנים און די וועלט. 2. גבורה, אומקום, צווייטע וועלט־מלחמה. 3. מיט יידן אין די תפוצות. 4. אַ חשבון מיט מאָסקווע. 5. אויף ציוניסטישע און פּאַר־טייאישע טעמעס. 6. קולטור־פּראַגן, שרייבער, ביכער. 7. מיין היימשטאָט לובלין און אַנדערע ישובים.

די אַרבעטן זענען בדרך־כלל צונויפגעשטעלט כראָנאָלאָגיש, לויט די דאַטעס ווי זיי זענען דערשינען אין פאַרשידענע פּובליקאַציעס, אָנגעגעבן צום סוף פון יעדן מאמר.

אויסער די בייטרעגער אַרויסצוגעבן דאָס בוך, וועמען איך באַדאַנק אויף אַ צווייט אָרט, האָבן זיך פאַרדינט אַ תודה רבה: דער פאַרלאַג „ישראל־בוך", בראש מיט זיין פאַרוואַלטער, פריינד מיכאל לוי; דער פּערסאָנאַל פון דער דרוקעריי „אורלי", מיט ישראל פרידמאַן בראש; מיין בן־עיר נאַטעק אַקערמאַן אין שטאָקהאָלם — פאַרן צייכענען דאָס בילד.

ד. ש.

געווידמעט **רבקה׳לען** —
דער געטרייער לעבנס־באַגלייטערין
שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט.

**דער מחבר**

אַ יישר־כוח און דאַנק מיינע פריינד און לאַנדסלייט וואָס האָבן געהאָלפן, האַרציק און ברייטהאַרציק, אַרויסגעבן דאָס בוך:

אַלעקס ראָבין ז״ל, לאָס־אַנזשעלעס.
משה׳לע לעווינסאָן, ניס.
לובא און משה קאָרן, פראַנקפורט—תל־אביב.
מאָטל גאַרטענקראַט, ניו־יאָרק.
גיטעלע און יידל עדעלשטיין, פּאַריז.
סימאָן און צעשע זיידענווערג, מיאַמי.
שמואל און געניע שפּיראָ, פּאַריז.
רבקה און שיע גאָלדבערג, חולון
דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

# אינהאַלט פון בוך

## 1. ישראל, אירע שכנים און די וועלט


אונטערן צייכן פון דערגרייכונגען 17
אַ פּראָטעסט און אַ וואָרענונג 20
פאַרלוירן דעם אַדרעס 21
דער פאַל רמלה 22
אויף „פּאָליציייִשע" טעמעס 23
אָן עקספּאָרט און אימפּאָרט וואָס שעדיקן 25
וועגן עליה, עולים און הילפלאָזע יידן 26
ציפערן וואָס אַלאַרמירן 28
קינדער אָן שולן 29
עליה און ירידה 30
ווו זענען די ישראלדיקע גבירים? 30
„פאַרגעסענע" דאַטעס 31
געווער, היים און גאָרטן 33
אַלטע פאַרלאַנגען צום נייעם יאָר 36
פרייהייט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַנדערע 39
ערשטער מאַי 1958 41
דער צאָרן פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו 43
ביי וועמען איינמאָנען חובות און שטייערן? 45
די ציונים כלליים זוכן אַ נייעם שידוך 46
דערמוטיקן אונדזער יוגנט 48
וועגן מוניציפּאַלע שטייערן און געוויסע שליחי־ציבור 50
יורדים און זייערע פּאַרטיידיקערס 54
אַ דאַנק איבערן קאָפּ פאַר דער נייער עליה — ווי אַזוי? 57
אומצוטרוי די פּוטשיסטן 60
מיט נייע עולים 61
פון דאָרפס־יידן ביז אָן אייגן פּויערטום 63
נישט ווי בלינדע און טעראָריזירטע 65
ווער און וויפל זאָל צאָלן 67
וועגן זיי שרייבן נישט די צייטונגען 70
דער בייזער אָנזאָג פון חיפה 73
צום שול־יאָר 75
צום נייעם יאָר 76
„פאַרגעסענע" וואַלן 78
אַ הסכם — אָדער באַדינגונגסלאָזע קאַפּי־טולאַציע? 80
הלל רום האָט געגעבן דעם ענטפער 82
די לעקציע רחובות 84
דאָס בר־מצווה יאָר פון ישראל 87
אַ באַזוך אין וויינגאָרטן פון שלום 88
די מיסטעריע לבון 90
דער באַליידיקטער פּרעמיער 93
נייע וואַלן — אָדער צוריק צום אַלטן? 96
ווער דאַרף זיין די אַלטערנאַטיווע? 99
מיט אַ שעה וויניקער אויף דער רושטאָוואַניע 101
די דערגרייכונג און „אויפּטו" 104
די ערשטע מסקנות 106
וואָדי ניסנאַס און שכונת עזרא 108
שטייערן און אָבליגאַטאָרישע הלוואות 113
יובל און — יקרות 115
אַלץ צוליב די 0.4 פּראָצענט... 118
דער האַנדל מיט יאָסעלען 121
היינט און מיט 16 יאָר צוריק 124
צוויי אַנטפּלעקונגען 127
אָן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל? 129
פאַרייביקונג דורך הילף 131
סטודענטן, רבנים און „קרגל" 133
אויף די לעבעדיקע ווילן רו... 136
דער שטענדיקער אַדרעס 139
די אויפגעצווונגענע מלחמה 140
אַ יאָר פון נצחונות, דערוואַרטונגען און אַנטוישונגען 142
דריי תפילות צום נייעם יאָר 145
צוויי יאָר 148
ווער איז אַ ייד? 152
וואָס אַ 6־יאָריק קינד ווייסט נישט 155
וואָס וועט זיין דער סוף? 157
צוריק צו די יאָרינג־געשפּרעכן 161
50 יאָר הסתדרות 163
וועט אויסברעכן אַ שלום? 164
פיר יאָר נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה 166
דריי פראָגן 170
שטרייקן: קלאַסן־קאַמף, צי אַ „מאָדע" אַזאַ... 175
צוויי דאַטעס 179
די דראַמע אין לוד 183
5 יאָר נאָכן 5טן יוני 1967 185
ניי־יאָר דערמאָנונגען 187
אַ ריינע ישראל 191
מען קלאַמערט זיך אַלץ ביים אַלטן 193
ווידער מלחמה און פייער־איבערייס — ווען וועט זיין שלום? 196
נאָך די וואַלן 200
זשענעוו — האָפענונגען און ספיקות 205
מיין טענה צום מדינה־קאָנטראָלער 210
דערמאָנונגען און אַנאַלאָגיעס צום 26סטן יום העצמאות 211
אַלט־נייע געבאָטן 215
אַנדערש ווי יעדעס יאָר 217
די צעפּיצלטע נשמה פון אַ ישראלדיקן ספּאָרטלער 221

אויפן סאָציאַלן פראָנט פון מדינת ישראל 223
בילדונג אָן וויסן — אָדער: געלערנטע עם־הארצים 228
נישט פון זיי וועט קומען די הילף 232
עליה, קליטה און די חורב־קאָמיסיע 235
אַ טרויעריקע „שמחה" 239
מיט נייע עולים אין אַ קיבוץ 243
די דריי צילן פון דער ליטאַני־אַקציע 248
דרייסיק יאָר מדינת ישראל 251
מינדערהייטן אין ישראל 254
אינטריגע און פּאָליטיק אַרום דעם פּליטים־פּראָבלעם 261
וואַכזאַם, ניכטער און נייטראַל 265
די שנעלע אַנטוישונג 268
דער אומפאַרלאָשענער ווולקאַן 270
ביידע חשבונות שטימען נישט 273
די סועץ־בלאָקאַדע דויערט ווייטער 276
דריי אַספּעקטן פון פּליטים־פּראָבלעם 278
און וווּ זענען מיר? 281
די אַראַבישע קליאַטשע 283
גבורה פון פּחדנים 286
אַ פערטל יאָרהונדערט אַזאַ... 289
לבנון — די לעקציע און ביישפּיל 294
צום יום־טוב פון פרילינג און פרייהייט 298
ישראל און די שפּיצן־קאָנפערענץ 300
פלאָרענץ, ירושלים און קאַיר 303
יידיש געווער פאַר דייטשלאַנד 306
קפריסין געזען פון ישראל — היינט און מיט 10 יאָר צוריק 308
אויף די שליאַכן מאָסקווע—וואַשינגטאָן און ירושלים—קאַיר 311
פרעמיערן־דיפּלאָמאַטיע 312
אַ יאָר פון איבערבעטונג 315
זיי ווילן נישט דערצערנען די אַראַבער 318
מערער שאָדן ווי נוצן 321
מיט וועמען זיך חברן? 324
דריי דאַטעס 327


## 2. אומקום, גבורה, צווייטע וועלט־מלחמה


אַ דערמאָנונג און אַ וואָרענונג 333
אַ גוטער ביישפּיל נאָך אַ שלעכטער פּירונג 335
אַ דאַטע וואָס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן 338
אייכמאַן־פּראָצעס 341
אַ פאָלק מיט זכרון 345
היטלעריאַדע 1962 347
די לעצטע זכיה פון דריי העלדן 351
טשערטשיל און סטאַלין האָבן „פאַרזען" דעם אומקום פון אייראָפּעישן יידנטום 354
אונדזער שטעטל ברענט 358
דער נאַצי־קרבן שלמה א. פרעגט... 361
אין 21סטן יאָרטאָג פון נצחון 364
אויף זיי האָבן פאַרגעסן? 368
אַ דייטש אין ישראל 372
אַרויסהייבן די גבורה 369
ערשטער סעפּטעמבער 1939 — 1969 375
אין 23סטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד 378


## 3. מיט יידן אין די תפוצות


סכנה פון מאָראַלישער און גייסטיקער דעגענעראַציע 385
ציפערן וועלכע דערמוטיקן און רופן אַרויס זאָרג 387
פאַרט אַ ייד... פון ארץ־ישראל 389
אין געזאַלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן 392
אין יידישע היימען אין פאַריז 395
אויף אַ יידישער חתונה אין פאַריז 397
אויף אַ נישט ריכטיקן אַדרעס 400
געמישטע חתונות — פון דער נאָענט 402
גילטיק אין אַלע לענדער 405
מיט קראַשניקער יידן אין פראַנקרייך 408
יידן אין טראַנזיט 410
מאָנטרעאָל וויל אויפהאַלטן יידיש לעבן 413
אויף טאָראָנטאָ ראַנגלט זיך פאַר יידישן קיום 419
גרינע פעלדער אין... ניו־יאָרק 422
מיט יידישיסטן און געטאָ־קעמפערס אין ניו־יאָרק 424
אַ באַזוך אין אונ"אַ און אין יידישע אינסטיטוציעס 428
אין דער „שטאָט פון מלאכים" 431
„בייזע ווינטן קלאַפּן אין יידישע היימען" 434
אין יידישע שולן און אינסטיטוציעס אין בוענאָס־איירעס 437
אַ גוטער און שלעכטער ביישפּיל 441
ירושלים איז נישט בראַזיליאַ 444
דער „העבראַיקאַ" קומט אָן אויסצייכענונג 447
צוריק צום שטעטל 450
אויפן וועג אַהיים 453
יידישע תפוצות אין יאָר תשל"ה 458
מיט היימישע יידן אין פאַריז, ליאָן און קאַן 462
אַ יידן אין ישראל צו אַ ייד אין דייטשלאַנד 467
יידן אין שוועדן, געזען מיט ישראלדיקע אויגן 468
אין קיניגרייך דענעמאַרק 474
אויף די תפוצות קומט צו געבן אַ וואָרט 478
יידן, זייט עולה! 481

## 4. אַ חשבון מיט מאָסקווע


דער זיגרייכער אָקטאָבער 487
פשטל׳עך פון יידישע קאָמוניסטן אין פוילן 488
באַנייטער יעווסעקיזם 490
אַראַבישע ליגע — דער שלום־אַדרעס פון מק״י 493
אַ ווידוי אָן חרטה, אָן מסקנות 498
שלום פון נאָענט און פון ווייט 502
אויף אַ רעגירונג מעג האַלטן וואָרט 504
פיר מאָסן לגבי 40 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע 506
דער פוילישער דורכברוך 511
וועגן אַ בריוו פון אנרי באַרביס צו יצחק יצחקי 513
די וואַרענונג פון נצרת 517
דאָס „פינטעלע ייד״ ביי האָוואַרד פאַסט און ביי דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״ 520
פון דער גראַמיקאָ־דעקלאַראַציע ביז כרושטשאָוס לעצטע דערקלערונג 523
ווען־זשע וועט קומען די צייט ? 527
דאָס זענען נישט בלויז אינערלעכע ענינים 528
צום 41סטן יאָרטאָג פון אָקטאָבער 530
צוויי מאָסן 534
ביידע חשבונות שטימען נישט 535
דער אַנטי־ציוניסטישער רעצידיוו 538
נייע צייטן — אַלטע לידער 541
קעמפן קעגן בן־גוריונען, נישט קעגן נאַצערן 542
„די קורדן קערן זיך צוריק אין זייער פּאַטערלאַנד״ 544
דערביישפּיל פוילן 547
די סאָוויעטישע ברירה 548
שאַטאַ רוסטאָוועלי און בער באַראַכאָוו 550
נייטיק נאָך איין רעהאַביליטאַציע 554
10 יאָר אָן סטאַלינען 556
כרושטשאָוו אין קאַיר 559
נוסח וואַרשע און נוסח מאָסקווע 562
גאָמולקאַ עליך, ישראל 566
אַ פרילינג מיט וואָלקנס... 573
בודאַפּעשט — מאָסקווע — פּעקין 578
אַנטי־יידישער דזשונגל אין פוילן 581
רויזן און דערנער 585
יידן באַהערשן די וועלט 588
מאָסקווע נייטיקט זיך אין נאָך אַ „פּיאַטי־לעטקע״ 592
בריסל — מאָסקווע — ירושלים 595
לענינגראַדער „משפּט״ און „יושר״ 596
דער אויסנאַם רומעניע 599
דאָס „אויסגעטראַכטע היימלאַנד״ פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ 601
צווישן מאָסקווע און ירושלים 607
אַט דאָס איז געבליבן... 611
ווער האָט מיטגעאַרבעט מיט היטלער־דייטשלאַנד ? 612


## 5. אויף ציוניסטישע און פּאַרטייאישע טעמעס


נאָכן 22סטן ציוניסטישן קאָנגרעס 619
יוגנט־קאָלעקטיוון 621
צוויי בריוו צום חבר מוליע 622
אָפענער בריוו צו אַ „פּאַרזעסענעם״ חבר 626
דריי שיטות — איין באַוועגונג 628
לייענענדיק באַראַכאָוון 632
באַראַכאָוויזם — דער וועג פון פאָלק און קלאַס 634
צוריק צום קוואַל 637
אַ נישט־געהאַלטענע רעדע... 640
פון האַאַג ביז תל־אביב 643
מיט געוואַגטקייט, קאָנסאָלידאַציע, שווונג 646
אַ שלעכטע רעקאָמענדאַציע 648
די לעגענדע יצחקי 649
אַ גיבור איז דערגאַנגען צו גבורות 653
פּאַרטייען, וואַלן, פּאָליטיק 655
אין געיעג נאָך כבוד און בענקלעך 658
וועגן דריי קאַטעגאָריעס יידן אין גוזעל־שאַפטלעכן לעבן 661
מפ״ם דאַרף בלייבן אין מערך 663
„אומקערן דעם ציוניזם די קרוין״ 666


## 6. קולטור־פּראַגן, שרייבער, ביכער


ש. גראָדזענסקי וויל ס׳זאָל אים קלאָר ווערן 671
יידישע בינע־מייסטער וועגן יידיש טעאַטער אין ישראל 672
די עוולה דאַרף פאַרריכט ווערן 673
געאָגראַפיע, עברית, פרעמדע שפּראַכן און... תכלית 675
אַ „ליטעראַריש פּראָבלעם״ 678
דער טויטער פּאַראַגראַף פון העברעישן שרייבער־פאַריין 682
אַ רינג אין דער קייט 685
כן ירבו ! 688
יידיש אין מויל פון ישראלדיקע קינדער ? 690

אַ ביסל מער יושר ביים פאַרטיילן
ליטעראַטור־פּרעמיעס 693
י. ל. פּרץ באַקומען אַ תיקון אין תל־אביב... 695
קעצישע גענג 697
דער מחבר פון נעכטן וואָס איז פאַרליבט
אין מאָרגן 699
אָן סתירות, אָן קאָמפּלעקסן 701
צוויי מצבות לזכר אומגעקומענע יידישע
שטעטלעך 702
דער 75־יאָריקער תלמיד־חכם 705
ביים פּנקס פון די זועקס מיליאָן 708
דער ניגון איז געבליבן 710
יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון לובלין
און... פון דאַנען 711
יזכור־ביכער — באַדייטונג און אויפגאַבן 713
דער נס פון עלי שעכטמאַנס „ערב" 716
אַ לעקסיקאָן וועגן חורבן, אַן אַנטאָלאָגיע
פון גאַלגן־הומאָר 717


## 7. מיין היימשטאָט לובלין און אַנדערע ישובים


די לובלינער צווייג פון אַ ברייט־
צעוואַקסענעם בוים 723
נישטאָ מער די יידישע לובלין 724
פאַרייביקט דעם אָנדענק פון אַ שטאָט 725
אין שליחות צו לובלינער יידן אין דער וועלט 727
וואָס וועט זיין מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן ? 736
דער יחוס־בריוו פון ווישקאָוו 740
יידיש־פּוילישע באַציונגען אין קוטנע 745
דראָהיטשין — אויפשטייג און אונטערגאַנג
פון אַ שטעטל 766
רשימה פון רעצענזיעס איבער די יזכור־
ביכער, רעדאַגירט פון מחבר, זיינע
איבערזעצונגען און אַנדערע ביכער 782


### ראשי־תיבות פון נעמען פון צייטונגען, אויסגאַבן און ערטער, ווו ס׳זענען דערשינען די מאמרים:

| | | |
|---|---|---|
| אי״נ | — | אויסטראַלישע יידישע נייעס |
| אד״וו | — | אויף דער וואַך |
| א״ש | — | אונדזער שטימע |
| אר״וו | — | אַרבעטער־וואָרט |
| א״צ | — | אַרבעטער־צייטונג |
| דמ״ל | — | דאָס מעקסיקאַנער לעבן |
| דיי״צ | | די יידישע צייטונג |
| ד״פ | — | די פּרעסע |
| טמ״זש | — | טאָג־מאָרגן־זשורנאַל |
| יי״צ | — | יידישע צייטונג |
| י״ש | — | ישראל־שטימע |
| ל״נ | — | לעצטע נייעס |
| מ״ב | — | מעלבורנער בלעטער |
| נ״וו | — | נייוועלט |
| ע״ה | — | על המשמר |
| פא״צ | — | פאָלק און ציון |
| פר״וו | — | פאָרווערטס |
| פס״ב | — | פאָלקסבלאַט |
| ת״א | — | תל־אביב |
| י—ם | — | ירושלים |
| נ. י. | — | ניו־יאָרק |
| ב. איירעס | — | בוענאָס־איירעס |

זאָל דער ספר דינען ווי אַ דערמאָנונג און סימבאָלישע מצבה פאַר די נאָענטסטע קרובים פון מחבר, קרבנות פון די היטלעריסטישע רציחות:

עלטערן **שלום** און **הענדל שטאָקפיש**

שוועסטער **רויזע**, איר מאַן **הערשל ראַפּאַפּאָרט** מיט צוויי קינדער

שוועסטער **רחל**, איר מאַן **ישראל באלער** מיט צוויי קינדער

שוועגערין **פעלע שטאָקפיש** מיט צוויי קינדער

שוועגערין **ראָכטשע שטאָקפיש** מיט צוויי קינדער

ברודער **יידל**, געשטאָרבן אין רוסלאַנד

שווער־און־שוויגער **מענדל** און **גאָלדע ראָזענבוש**

שוועגערין און שוואָגער **הדסה** און **שיע ראָזענבוש**

שוואָגער **יחיאל בראַטשטיין**

כבוד זייער אָנדענק!

# ישראל, אירע שכנים
# און די וועלט

# אונטערן צייכן פון דערגרייכונגען

מדינת־ישראל האָט לעצטנס איבערגעלעבט טעג פון פרייד און שטאָלץ: אין דער אלט־נייער הויפּטשטאָט ירושלים איז פאָרגעקומען די אימפּאָזאַנטע אויסשטעלונג "כיבוש השממה" ("דעראָבערונג פון דער וויסטעניש"); פּתח־תקוה האָט געפייערט איר 75 יאָריקן יובל און דער קיבוץ גבעת ברנר איז "אלט געוואָרן" 25 יאָר.

אזוי האָבן זיך דריי געשעענישן צונויפגעפלאָכטן אין איין האַרמאָנישער גאנצקייט, וואָס האָט געברענגט צום אויסדרוק די אומגעהויערע ענערגיע, דעם קאמפּס־ווילן און די אייביקע בענקשאַפט פון א געפלאָגט פאָלק צו באזעצן זיך צוריק אין זיין היי מלאַנד, דעראָבערן דעם מדבר, בויען אין די שטעט, דערפער, קיבוצים און קאָלאָניעס, אויסגלייכן דעם רוקן מיט אלע פעלקער גלייך און פארלייגן דעם יסוד פאר א יידישער מדינה. קלאָר, אז דאָס אלץ איז דערגרייכט געוואָרן א דאנק דער האָרעפּאשנער מי פונעם יידישן ארבעטער און פאָלקס־מענטש. דאָס האָבן זיי, מיט ארבעט, דעראָבערט אי באָדן, אי מלוכהשע זעלבשטענדיקייט.

אן אנדערע פראגע איז, צי ביים איצטיקן רעזשים אין דער מדינה ווערט ווי געהעריק אָפּגעשאצט און ארויסגעברענגט די חשיבות און באדייטונג פון יענע שפּעפערישע כוחות פונעם פאָלק – די פּיאָנערן און חלוצים, וואָס מיט זייער בלוט און שוויס האָבן זיי געבאנט א וועג פאר יידישער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט און מלוכהשקייט. און אויב דער דאָזיקער מאָמענט איז פארבלאָסט געוואָרן אויף דער אויסשטעלונג "כיבוש השממה", האָט ער באקומען זיין נאטירלעכע און זעלבפאַרשטענדלעכע אויסדרוק־קראפט אין די פּרעכטיקע יובל־פייערונגען, סיי פון גבעת ברנר און סיי פון דער שטאָט פּתח־תקוה, וואו עס הערשט אן ארבעטער־שטאָטראַט. דער האלבער יובל פונעם קיבוץ הינטער רחובות און די 75 יאָר פון דער "אם המושבות", האָבן נישט נאָר דערגאַנצט די מלוכהשע אויסשטעלונג פון דעראָבערן די וויסטעניש, נאָר אויך ארייגעפירט די נויטיקע "היסטאָרישע פּאָפּראווקעס" בנוגע דער ראָל און די אויפטוען פונעם יידישן ארבעטער.

### די אויסשטעלונג אין ירושלים

1/3 פון דער ישראל־באפעלקערונג האָט אין משך פון דריי וואָכן באזוכט ירושלים און אָנגעקוקט די אויסשטעלונג. איבער א האלבן מיליאָן איינוווינערס פון דער מדינה האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו באוואונדערן די דריי צענדליק פּאַווילאָנען מיט טויזנטער דיאגראמעס, בילדער, מאקעטן, עקספּאָנאטן, וועלכע האָבן דעמאָנסטרירט דעם וועג, א קורצן אין צייט, אָבער א לאַנגן אין אויפטוען, זינט דער גרינדונג פון מקוה ישראל אין יאָר 1890, ביזן דעראָבערן דעם נגב און אויסטרוקענען די חולה. די באזונדערע פּאַווילאָנען פון דער ישראל־רעגירונג, הסתדרות, צה"ל, אינדוסטריעלער פארבאנד, לאנדווירטן־פארבאנד, קיבוצישע באוועגונגען, קופּת חולים, קרן קימת, קרן היסוד, פּיק"א און פיל פיל אנדערע, האָבן באוויזן די דערגרייכונגען אויפן געביט פון באָדן־צוגרייטונגען און באָדן־באארבעטונג, אויסטרוקענען זומפּן און באוואלדונג, וואסער־פארזאָרגונג און בויונג פון דערפער און שטעט. דער אינדוסטריעלער פּאווילאָן פון תוצרת הארץ מיט זיינע וווּנדערבארע עקספּאָנאטן, האָט פיל באזוכער געשטעלט פאר א ספק, צי ווערן טאַקע אין ישראל פּראָדוצירט די אלע מאשינען און קאָמפּליצירטע מעכאַניזמען וואָס זענען רעפּרעזענטירט אויף דער אויסשטעלונג. דער עמבלעם פון דער אויסשטעלונג – א רויז וואָס איז דורך א מענטשלעכער האנט אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין מדבר – האָט אנטשפּראָכן נישט נאָר דעם גייסט פון דער אויסשטעלונג, נאָר אויך סימבאָליזירט מיט זיך די מעשי בראשית פון חלוצים – ביז דער איצטיקער צייט. פאַרכאַפּנדיק איז געווען דאָס בילד פון דער אויסשטעלונג וואָס האָט זיך געפונען אויף א ריזיקן שטח פון 800 דונאם, באַנאַנד מיט די בניני האומה וואָס דארפן ערשט פארענדיקט ווערן.

צו די געלונגענע איינפאלן פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אויסשטעלונג געהערט אויך דאָס אדורכפירן עטלעכע וויסנשאַפטלעכע קאָנגרעסן און צוזאמענפאָרן מיטן אנטייל פון

וועלט־באַרימטע געלערנטע און וויסנשאַפטלערס אינעם ריזן־זאַל אונטערן פרייען הימל, וואָס האָט פאַרמאָגט 3,000 זיצפּלעצער, און דאָרט באַהאַנדלט פראַגן פון ערשטראַנגיקן באַטייט — נישט בלויז פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. ביז גאָר אימפּאָזאַנט איז אויסגעפאַלן דער מוזיק־פעסטיוואַל און די מוזיקאַלישע פּראָגראַמען, מיטן אָנטייל פון ישׂראלדיקע קאָמפּאָזיטאָרן און קינסטלער. פאַרענדיקט די אויסשטעלונג האָט אויך אַ מוזיקאַליש קינסטלערישער פּראָגראַם פון קול ציון לגולה – אונטערן נאָמען "פון דן ביז אילת".

זיכער איז אַ טייל באַזוכער נישט געווען אַנטציקט פון דער אויסשטעלונג, באַזונדערס פון אַ ריי פעלערהאַפטע אָרגאַניזירונגען פון דער קאָמוניקאַציע. אויך אויף דער אויסשטעלונג גופא האָט נישט אַלץ געקלאַפּט ווי עס געהער צו זיין. באַזונדערס האָט נישט געקענט געפעלן ווערן די פּרייזן־וואַקכאַנאַליע אויף די סאַמע לעבנסוויכטיקע אַרטיקלען, פון וועלכע מען האָט געדאַרפט טועם זײַן בעתן שהן־לאַנגן באַזוך אויף דער גרויסער אויסשטעלונג. די אַלע פעלערן און דעפעקטן קאָנען אָבער נישט פאַרדעקן דעם עצם פאַקט פונעם גרויסן אויפטו, וואָס האָט נישט נאָר געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון אונדזער עבר, נאָר אויך סטימולירט פאַר ווייטערדיקע שעפערישע אויפטוען אין דער צוקונפט.

ס'איז שטאַרק צו באַדויערן, וואָס די אויסשטעלונג האָט געדויערט אַזאַ קורצע צייט. דערמיט איז צוגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט ביי נאָך צענדליקער טויזנטער ישׂראל־איינוואוינער אָנצוקוקן דאָס וווּנדער פון דעראָבערן די וויסטעניש.

און אַז ס'איז נאָך דאָ פיל צו טאָן און דווקא אין דער סאַמע נאָענטסטער צוקונפט, האָט באַוויזן די אויסשטעלונג גופא. אינעם נגב, וואָס איז אייגנטלעך 61% פונעם ישׂראלדיקן שטח, האָבן מיר קוים באַוויזן "אַריינצושטעקן אַ פוס". בלויז 69 לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן זענען פאַראַן אינעם רחבותדיקן נגב, וועלכער איז באַוווינט בלויז מיט העכער 1% איינוווינערס פון דער אַלגעמיינער צאָל ישׂראל־באַפעלקערונג. עס איז נאָך פיל פאַרבליבן צו דערגרייכן אויפן עקאָנאָמישן, קאָלאָניזאַטאָרישן און סאָציאַלן געביט. דאָס סאַמע וויכטיקסטע – ס'איז נויטיק צו דעראָבערן דאָס יידישע פאָלק פאַר ישׂראל, ווייל בלויז 12% זיצן אין אייגענעם פאָטערלאַנד. וועט דאָס אַזוי גיך געשען, ביי די איצטיקע סאָציאַלע, פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען וואָס הערשן אין לאַנד? אויך די פראַגע מעג איצט אוועקגעשטעלט ווערן אויפן סדר־היום.

## די פרייד פון דורכגעלעבטע 75 יאָר

מען קאָן זיך פאָרשטעלן די פרייד פון אַ לעבעדיקן מענטש, וואָס דערגייט צום עלטער פון 75 יאָר. טאָ אויף וויפל איז באַרעכטיקט די פרייד און דער שטאָלץ פון אַ גאַנצער שטאָט, וואָס האָט די טעג זוכה געווען צו פייערן איר 75־יאָריקן יובל? דאָס עצם אַנטשטיין פון פּתח־תקווה איז דאָך געווען אַ גאַנצע איבערקערעניש אינעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן אין לאַנד. דאָס האָבן אַ גרופּע יידן זיך אַרויסגעריסן פון די ירושלימער מויערן, ווו זיי האָבן געפירט אַן אומגעזונט און אומפּראָדוקטיוו לעבן, זייענדיק אויסגעשטעלט צו ציען חיונה פון די חלוקה־געלטער – און באַזעצט זיך אין פּתח־תקווה, די ערשטע קאָלאָניע, ווו געוועזענע לופט־מענטשן האָבן געדאַרפט איבערגיין צו ערד־אַרבעט און מלאכה. די ערשטע איינוווינערס פון פּתח־תקווה האָבן באמת געוואַגט, מיט זייער אַרויסרייסן זיך פון דער הייליקער שטאָט, ירושלים, איבערגעריסן מיט דער שעדלעכער טראַדיציע פון לעבן פון נדבות און מיט אַקעראייזן און האַמער אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. מיט רעכט איז פּתח־תקווה באַצייכנט געוואָרן די מאַמע פון די קאָלאָניעס ("אם המושבות"). טאַקע דאָרט איז געמאַכט געוואָרן דער אָנהייב פאַר זידלונגען און מאָדערנע שטעט פונעם היינטיקן ישׂראל.

און דערנאָך זענען געקומען נייע כוחות, חלוצים פון דער צווייטער עליה, אַריינגעריסן זיך אין דער אם המושבות, מיט באַנייטער קראַפט אויפגעזונגען דאָס ליד פון אַרבעט און שאַפן. און נישט נאָר אַ ליד האָבן זיי געדאַרפט זינגען. ס'איז נויטיק געווען צו פירן אַ שווערן, ביטערן געראַנגל

פאַר ייִדישער אַרבעט, וואָס די זעלבע ערשטע אײַנוווינער האָבן, ווי אַלע "אויפגעקומענע", זיך אָפּגעזאָגט פון ייִדישער אָרגאַניזירטער אַרבעט,ווײַל דער אומאָרגאַניזירטער אַראַבישער אַרבעטער האָט דאָך געקאָסט פיל ביליקער. געזיגט האָט אָבער דער ייִדישער אַרבעט־מענטש, פאַרוואָרצלט זיך אין דער מושבה און דערפירט זי צום איצטיקן מעמד – אַ שטאָט פון 75 טויזנט אײַנוווינערס.

ס'האָבן זיך דעריבער באַרעכטיקט די באמת אימפּאָזאַנטע פײַערונגען פון דער שטאָט פּתח־תקוה. רירנד איז געווען די נסיעה פון די פּתח־תקוהער זקנים קיין ירושלים. די ערשטע וואָס האָבן פאַרלאָזט ירושלים צו באַזעצן זיך אין פּתח־תקוה, האָבן ביים איצטיקן יובל עולה געווען פון זייער שטאָט אין דער הויפּשטאָט. ביי די פײַערונגען האָט מען אויך נישט פאַרגעסן אין די געפאַלענע קינדער פון פּתח־תקוה, וועלכע האָבן מקריב געווען זייערע יונגע לעבנס אין דער באַפרייונג־מלחמה.

פּתח־תקוה אין די איצטיקע טעג איז אַ שם־דבר ניט נאָר צוליב איר פאַרדינסטפולן יובל. פּתח־תקוה אין געוואָרן אַ סימבאָל אין דער מדינה, ווײַל די אַרבעטער־מערהייט פאַרוואַלטעט דאָרט מיט די שטאָטישע ענינים, און מען דאַרף איר מיטן גאַנצן האַרצן ווינטשן דערפאָלג.

**גבעת־ברנר — דער קיבוץ פון 28 לענדער**

מיט 25 יאָר צוריק, גראָד ווען די אָנפירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אײַנגעשטאַנען אין בירגערלעכע הענט, וועמענס כוונה עס איז געווען אײַנצושרומפּן די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און אונטערהאַקן אירע פליגל, זענען אַ גרופּע חלוצים פון ליטע און וואָלין אַרויף אויפן באָדן נישט ווײַט פון רחובות, אין סאַמע האַרץ פון אויפגעקומענעם רײַכן ייִדישן פּויערטום און פאַרלייגט דאָרט זייער היים – דעם שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם קיבוץ גבעת־ברנר. נאָכן אָנשליסן זיך אין קיבוץ פון אַ גרעסערער גרופּע דײַטשע חלוצים ("חרות"), איז דער משק געשטאַרקט געוואָרן און אין די שפּעטערדיקע יאָרן בילדעט ער אַ צוציונג־כּוח פאַר דער עליה פון ייִדישער יוגנט פון דײַטשלאַנד. אָבער היינט־צו־טאָג, צום 25סטן יובל־יאָר פון גבעת־ברנר, איז דער קיבוץ באַפעלקערט מיט עולים פון 28 לענדער – דער ריכטיקער קיבוץ גלויות...

די פײַערונגען אין גבעת ברנר זענען ווײַט אַריבערגעוואַקסן זייער לאָקאַלן באַדײַט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יום־טוב פון דער גאַנצער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז די חשיבות פון גבעת ברנר ליגט נישט נאָר אין זײַן עבר, נאָר אויך אין דער צוקונפט. האָבן דעריבער צענדליקער טויזנטער פון גאַנצן לאַנד געצויגן אַהין, כדי באַטייליקן זיך אין דער גראַנדיעזער יובל־פײַערונג און באַוווּנדערן די פּרעכטיקע אויסשטעלונג. און דאָס סאַמע וויכטיקסטע – געניסן פון דער אײַנדרוקספולער פאָרשטעלונג פון האָוואַרד פאַסט'ס "מײַנע ברידער די רומפולע העלדן", וואָס איז מיט אַזאַ דערפאָלג געשפּילט געוואָרן אינעם אייגענעם אַמפּיטעאַטער.

ס'האָט נישט געקאָנט זײַן קיין בעסערער אויסוואַל פון אַ דראַמאַטישן ספּעקטאַקל, ווי פאַסט'ס שילדערן דעם העלדישן מכבייער־אויפשטאַנד. האָבן דאָך מיט 2 טויזנט יאָר צוריק ייִדישע ערד־אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן גריכישן אָקופּאַנט. היינט, ווען אויף דער מדינה לויערן אָקופּאַנטן פון מערב און פון די אַראַבישע מדינות, איז כדאַי אויפצולעבן דעם גײַסט פון אַלטן מתתיהו, פון זײַנע פינף זין מיט יהודהן בראש, און דווקא אינעם קיבוץ פון גבעת ברנר – דעם קיבוץ פון הגנה און פלמ"ח.

גבעת ברנר מעג זײַן שטאָלץ מיט זײַנע אויפטוען פאַר די ערשטע 25 יאָר.

(נ"ו ת"א, 27.10.53)

# א פּראָטעסט און א וואָרענונג

די פּרעסע האָט די טעג דערציילט וועגן צוויי פאַלן פון זעלבסטמאָרד, וואָס זענען באַגאַנגען נייע עולים. ס׳האָבן זיך צעשיידט מיטן לעבן אַ 43־יאָריקער ציין־דאָקטער סטאַניסלאַוו קליין, געוווינט אין ירושלים, און אַן אומבאַקאַנטער איינוווינער פון עולים־לאַגער בית־ליד. לויט די צייטונגען גיבן איבער, איז די סיבה פון זייער פאַרצווייפלטן שריט געווען די אומגעהויערע שוועריקייטן זיך איינצואָרדענען. צי זיי האָבן עס געוואָלט אָדער נישט, דאָס איז אַ שאַרפער, אַ צו שארפער פּראָטעסט קעגן דער גרויסער צאָל מכשולים, וואָס דער נייער עולה דאַרף אדורכמאכן, ביז ער באַזעצט זיך אין לאַנד.

ניין, בשום אופן וועלן מיר נישט באַרעכטיקן אַזאַ שריט, גובר צו זיין שוועריקייטן דורך אַנטלויפן פונעם לעבן. מען דאַרף קעמפן, כדי דאָס לעבן בעסער און שענער צו מאַכן – פאַרן כלל און פאַר זיך. אָבער די צוויי פאַלן מיטן פּראָטעסט קעגן דעם איצטיקן רעזשים פון קליטת העליה, קעגן פּראָטעקציאָניזם, קעגן ביוראָקראטישן שימל, קעגן דער קאַלטער באַציונג פון דעם ארום – דאַרפן זיין אן ערנסטע וואָרענונג צו ענדערן דעם איצטיקן אופן פון אויפנעמען און איינאָרדענען נייע עולים; ענדערן דעם צוגאַנג און באַציונג מצד די באַאַמטע, וואָס זענען זיך מיט זיי מטפל. דער עיקר – ענדערן די קאַלטקייט מצד איינגעזעסענע בירגער, ותיקים, צו די פריש געקומענע אין לאַנד.

עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן דעם זיגזאגפולן, שווערן און קאָמפּליצירטן וועג, וואָס דער נייער עולה דאַרף אַדורכמאַכן פון זיין אָנקומען אין לאַנד, ביזן באַזעצן זיך אויף אַ שטענדיקן פּלאַץ. אַ גאַנצע ליטעראַטור וואָלט מען שוין געקאָנט צונויפשטעלן פון דעם פאַראַנענעם מאַטעריאַל. דעם אויבנאָן אין די באַשרייבונגען פאַרנעמען נאַטירלעך די עולים־לאַגערן מיט זייערע פּאַלאַטקעס, ענגשאַפט, אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען, אומנייטיקע לאַנגע רייען צום עסן דריי מאָל אַ טאָג, נישט קאָמפּלעטע זאָרג פאַר די קינדער, חדשים־לאַנגע געצוווּנגענע אַרבעטלאָזיקייט, כל זמן מען געפינט זיך אינעם לאַגער, דער אופן פון איינאָרדענען, דער סדר פון באַקומען דעם שיכון און נאָך אַ שלל אַנדערע גרעסערע און קלענערע פראַגן, וואָס שאַפן נישט די בעסטע איינדרוקן באַלד ווי מען קומט אַריין אין דעם קאָרידאָר פון דער מדינה – דעם בית עולים.

יעדער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז אויפנעמען און אויפהאַלטן נאָכאַנאַנד 100 טויזנט מענטשן, איינאָרדענען זיי צייטווייליק, באַזאָרגן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ און באַשפּייזן זיי – געהערט נישט צו די גרינגע אויפגאַבן, בפרט פאַר אַ יונגער מדינה, וואָס איר אַנטשטייונג און ערשטע האַלביאָריקע עקזיסטענץ איז זיך צונויפגעפאַלן מיט אַן אינוואַזיע־מלחמה מצד די אַראַבישע שכנים. מ׳דאַרף אויך נישט פאַרגעסן די פינאַנסיעלע לאַסט וואָס דאָס לייגט אַרויף, און וואָס ווערט אַלץ גרעסער, בעת די הכנסות זענען פאָרט קלענער געוואָרן. און אַזוי קען מען אפשר טיילווייז פאַרשטיין די געשאַפענע באַדינגונגען אין די בתי עולים. שלעכט איז אָבער, אַז נישט געקוקט אויף דער אָפטער און ריכטיקער קריטיק ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ סיסטעם אין דער אַרבעט פון די אויפנעם־אינסטאַנצן.

צי זאָל דאָס באַטייטן, אַז אין דער יידישער אַגענץ, וועלכע פאַרנעמט זיך אייגנטלעך מיטן אויפנעמען און איינאָרדענען די עולים, הערשט אַן אָנגענומענער כלל, אַז אַזוי ווי ס׳איז איצט – איז גוט? נישט נויטיק צו מאַכן וועלכע ס׳איז ערנסטע ענדערונגען, נישט כדאי צו אינסטרואירן די באַאַמטע, איבערצושטעלן זייער אַרבעטס־מעטאָד, איבערדערציען זיי צו זיין מער צוגעלאָזענער, האַרציקער און וואַרעמער צום נייעם עולה? נישט אויסשטעלן דעם געקומענעם אין לאַנד אויף אומזיסטיקע לויפענישן ביים דערליידיקן זיינע ענינים?

סקריפּעט זי ווייטער, די ביוראָקראַטישע מאַשין מיט אירע פאַרזשאַווערטע שרייפלעך, דער נייער עולה מוז ווייטער פטרן אַ סך געלט, צייט, נערוון ביים אָפּנעמען דעם באַגאַזש, ביים באַקומען

דעם סידור ראשון אָדער די אַפּראָוויזאַציע־קאַרטן. און יעדער סקריפּ איז אַ גרילץ, וואָס קריצט זיך איין אין דער נשמה פון אַ לעבעדיקן מענטשן, וואָס האָט געוואַרט אויף אַ מער מענטשלעכן, חברישן צוגאַנג. הינטער די פענצטערלעך זיצן דאָך לעבעדיקע מענטשן. וואָלט דאָך זייער קאָרעקטע באַציונג, חברישע אויפקלערונג און באַלדיקע דערליידיקונג פון די ענינים, געקאָנט לייכטער מאַכן דעם נייעם עולה דאָס לעבן אין דער ערשטער תקופה פון באַזעצן זיך אין לאַנד!

אין דער מדינה און אין חוץ־לארץ איז איצט שוין פּאָפּולער דער ענין פון "אַלטע" און "נייע", די באַציונג פון דעם ותיק צום עולה, וואָס איז,ליידער, אין אַ סך פאַלן אַ געגנוג קאַלטע, מיט אַ מין "לאָז מיך געמאַכט". אמת, אַז די אַלט־איינגעזעסענע האָבן געהאַט שווערע איבערלעבונגען, אַדורכגעמאַכט זייער פיל. צי הייסט דאָס אָבער, אַז דעם נייעם עולה מוז אַלץ אָנקומען מיט גרינע ווערים? קיין שום אייגענע ליידן באַרעכטיקן נישט אַ ותיק צו באַציען זיך אַזוי קאַלט צום פריש־געקומענעם.

אויף וויפל די סוכנות און רעגירונגס־אַנשטאַלטן מאַכן אָנשטרענגונגען אויפצונעמען די נייע עליה, איז אָבער, ליידער, פאַראַן אַן אָנזעעוודיקער טייל ותיקים, וואָס איז נישט איינגשטעלט אויסצושטרעקן אַ ברודערלעכע האַנט פון הילף, פון אַן עצה, פון אַ גוט וואָרט, דעם נייעם עולה. איז נישט קיין ווונדער, וואָס באַגלייך מיט די פאַרשידענע שטרויכלונגען פון עולה, וואַקסט אויך זיין פאַרביטערונג צוליב דער באַציונג פון די אַנשטאַלטן, אַמטן, באַאַמטע און ישראל־איינוווינער – אַ באַציונג, וואָס מוז און דאַרף געענדערט ווערן.

אַפילו אינעם "יידישן קעמפער" וואָס דערשיינט אין אַמעריקע, שרייבט ק. שבתאי אין זיינע תל־אָביבער נאָטיצן:

"איינער אַן עולה חדש האָט זיך פאַר מיר די טעג באַקלאָגט: איך דריי מיך דאָ אַרום אַ הונגעריקער און אַ דורשטיקער. איך בין נישט אויסגעהונגערט נאָך אַ שטיקל ברויט און איך בין נישט דורשטיק צו אַ גלאָז קאַווע, איך בין הונגעריק נאָך אַ וואַרעם וואָרט, איך בין אויסגעטרוקנט צוליבן פעלן פון אַ פריינטלעכן בליק..."

אַ שאָד, וואָס מדינת ישראל מיט דער סוכנות בשותפות האָבן נישט געטראַכט אָנצוזעטיקן אָטאָ דעם עולה חדש. כ׳לעבן, אַ וואַרעם וואָרט און אַ פריינטלעכער בליק קאָסט נישט קיין איין פּיאַסטער".

באמת אַ שאָד... אָבער וועגן די פּראָבלעמען איז נייטיקער און וויכטיקער צו שרייבן אין דער היגער פּרעסע, באַזונדערס אין דער העברעישער. שרייבן און אויפקלערן, כדי איינצולייגן די קינסטלעך אויפגעשטעלטע וואַנט צווישן די נייע עולים און ותיקים. שאַפן אַן אַטמאָספער פון האַרציקייט און וואַרעמקייט, גאַסטפריינטלעכקייט און קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און אַזוי ארום ליקווידירן אַ זייער וויכטיקן בלויז ביים אויפנעמען און איינאָרדענען די נייע עולים.

(נ״ו, ת״א 26.10.49)

# פאַרלוירן דעם אדרעס

עס איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע אין ישראל, אַז כמעט יעדן פּרייטיק זאָל ווער פון די מיניסטאָרן צי הויכגעשטעלטע רעגירונגס־באַאַמטע אַרויסטרעטן מיט אַ פּאָרטראַג איבער אַקטועלע ענינים און אָפּשאַצן פאַרשידענע דערשיינונגען אין לאַנד. גוט וואָס אַזאַ טראַדיציע ווערט אָנגעהאַלטן און פון צייט צו צייט איז דאָ אַ געלעגנהייט צו הערן אינטערעסאַנטע זאַכן פון דער ערשטער קוועלע.

אין די ראַמען איז ד. האָראָוויץ, געוועזענער לייטער פון פינאַנס־מיניסטעריום און פאָרויסבאַשטימטער דירעקטאָר פון דער מלוכהשער באַנק אויפגעטרעטן אין תל־אביב מיט אַ רעפעראַט איבער די ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון לאנד. ווי אַ וואָרטזאָגער פון דער **אָפיציעלער** רעגירונגס־פּאָליטיק אויפן עקאָנאָמישן געביט, האָט ער גאָרנישט געקאָנט מחדש זיין,

נאָר בלויז איבערחזרן דאָס וואָס אַ צווייטער באַנק־דירעקטאָר, ז. האָפּיען (פון דער נאַציאָנאַל־באַנק) האָט געזאָגט מיט אַ יאָר צוריק: דער לעבנס־סטאַנדאַרט אין ישראל איז אַ צו הויכער, דער פאַרברויך – אַ גרויסער, און דאָס אַלץ דאַרף מען פאַרקלענערן, איינשרומפּן. האָראָוויץ איז שוין געווען אין אַ מער "גליקלעכער" לאַגע ווי האָפּיען, ווייל ווי ער האָט איבערגעגעבן, איז דער אַלגעמיינער פאַרברויך געפאַלן מיט גאַנצע 15%. אָבער דאָס איז פאַר אים וויייניק, מען דאַרף מערער איינציען דעם פאַסעק, ברענגען מער קרבנות אויפן מזבח פון די "נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק". אינעם מבול פון ווערטער וועגן ווינציק פּראָדוקציע, גרויסן פאַרברויך, פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער, קרעדיט־פראַגן אאז"וו, האָט האָראָוויץ פאַרגעסן אַרויסצוברענגען איין "קלייניקייט": **ווער** פּראָדוצירט ווינציק און **ווער** פאַרברויכט אַ סך.

וועלן מיר אים דערמאָנען, אַז אין ישראל איז דאָ אַ שיכט פון לײדיקגייער און שטעקלדרייער, פאַבריקאַנטן און שפּעקולאַנטן, גרויסע סוחרים און מגרשניקעס, וואָס פּראָדוצירן אַמווינציקסטן און פאַרברויכן אַמיינסטן. אָבער נישט צו זיי זענען געווענדט האָראָוויצעס ווערטער. זיי געניסן פון אַן "אומבאַרירלעכקייט"־סטאַטוס אין דער מדינה, זיי טאָר מען נישט טשעפּען, גראָד פאַרקערט – מ'דאַרף זיי גיין אויף דער האַנט, האָבן אַ האַרץ און אַן אויער פאַר זייערע "נויטן" און פאָדערונגען. פאַראַן אויך אַ צווייטער שיכט, אַ גאַנצער קלאַס – דער אַרבעטער־קלאַס, וואָס פּראָדוצירט אַלץ אין דער מדינה, גיט אַוועק זיין שווייס און האַרעוואַניע פאַר דער עקאָנאָמישער פאַרפעסטיקונג פון לאַנד – און דאָך פאַרברויכט ער אַמווינציקסטן. און אויך פון דעם וויייניקן, ווערט אים אַלעמאָל אַראָפּ גענומען אויף פאַרשידענע וועגן, צוגעטראַכטע דורך דער רעגירונג: שטייגנדיקער יקרות, פאַרגליוווערטע לוינען, אַ יקרות־הוספה (נאָך דריי חדשים), באַזירט אויף אַ פאַלשן אינדעקס. זאַכן, וואָס אפילו א בלינדער וואָלט זיי געזען. אָבער אַז ד. האָראָוויץ הייבט אָן רעדן וועגן קליינער פּראָדוקציע און גרויסן פאַרברויך, "פּאַרלירט" ער דעם **אַדרעס** צו וועמען די ווערטער דאַרפן זיין געווענדט. פאַר **אים** און פאַרן **סיסטעם** וועלכן ער רעפּרעזענטירט, איז קלאָר, אַז דער אַרבעטער דאַרף נאָך וויייניקער פאַרברויכן און נאָך מער פּראָדוצירן. זאָלן די פּאַראַזיטן ווייטער אָנגיין מיט זייער פאַרשווענדערישן לוקסוס־לעבן און לײדיקגייעריי – די ממשלה וועט זיי קיין שלעכטס נישט טאָן...

(נ"וו ת"א, 5.7.53)

# דער פאַל רמלה

אין רמלה איז די לשכת־עבודה (הסתדרותישע אַרבעט־פאַרמיטלונגס־ביוראָ) געשלאָסן געוואָרן דורך די באַאַמטע גופא אַלס פּראָטעסט קעגן די האַנדלונגען פון די רעגירונגס־פאַקטאָרן, וואָס דאַרפן זאָרגן וועגן באַשעפטיקונג פאַר אַרבעטלאָזע. דער מאָטיוו פון אַלע אָנגעשטעלטע אין דער לשכה (אַריינגערעכנט אויך די חברים פון מפא"י), איז געווען, אַז זיי האָבן נישט קיין אַדרעס ווו אָנצוקלאַפּן, כדי שטילן דעם גרויסן הונגער נאָך אַרבעט (און אויך נאָך ברויט) פאַר אַזאַ שטאָט ווי רמלה, ווו אָפיציעל זענען רעגיסטרירט 395 אַרבעטלאָזע. און דאָרט ווו די לשכה־אָנגעשטעלטע גרייכן שוין יאָ, טרעפן זיי אָן אויף טויבע אויערן, פאַרמאַכטע אויגן און פאַרשלאָסענע הערצער. נישט קאָנענדיק צוזען די ליידן פון די אַרבעטלאָזע משפחות, זייענדיק הילפלאָז אנטקעגן זייערע וויי־געשרייען, – האָבן זיי איינשטימיק באַשלאָסן צו פאַרמאַכן די לשכה און **צוזאַמען** מיט די אַרבעטלאָזע ווידער אָנהייבן דעם קאַמף פאַר עטלעכע אַרבעטס־טעג.

די אַרבעטלאָזע, צוזאַמען מיט די לשכה־אָנגעשטעלטע, האָבן עפּעס דערגרייכט אין זייער קאַמף. אַביסל אַרבעט איז צוגעטיילט געוואָרן. אויך דער ועד הפועל האָט זיך אַריינגעמישט, ווייל דער פאַל רמלה איז פאַר אים געווען אַן איבעראַשונג (לאָמיר זאָגן: נישט פון די סאַמע אָנגענעמסטע). דער ועד הפועל פון דער הסתדרות, ריכטיקער: איר מפא"ישע מערהייט, איז לעצטנס געשטאַנען פאַר פיל פאַקטן, ווען גראָד לשכה־אָנגעשטעלטע האָבן אַרויסגערופן פּאָליציי צו דעמאָנסטרירנדיקע אַרבעטלאָזע, פאַרשלאָסן פאַר זיי טיר־און־טויער, געטיילט די מאָגערע

אַרבעט לויטן שליסל פון מפא״ישן פּראָטעקציאָניזם. דער מוטיקער אַקט פון די אַרבעטלאָזע אין רמלה, צוזאַמען מיטן אַפּאַראַט פון דער לשכה, איז געווען ווי אַ פריש ווינטל אינעם היגן קלימאַט פון אַרבעט־באַציונגען און באַוויזן, אַז דעם אָנגריף פון דער ישראל־בורזשואַזיע אויפן לעבנסניוואָ פון דער אַרבעטערשאַפט, ווי דאָס באַרויבן אים פון אַרבעט־מעגלעכקייטן, מוז און דאַרף אָנטרעפן אויף אַ געאייניקטן פראָנט פון אַלע אַרבעטנדיקע.

דער פאַל רמלה איז זייער באַלערנדיק!

(נ״וו ת״א, 5.7.53)

# אויף ״פּאָליצייאישע״ טעמעס

אין רחובות איז פאָרגעקומען א דעמאָנסטראַציע פון ארבעטלאָזע. בערך דרייהונדערט מענער, פרויען און קינדער זענען אוועק צו דער לשכה און געפאָדערט **ארבעט** און **ברויט**. די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אויפגעפירט שטיל און ס׳איז נישט געווען קיין שום גרונט פאַר פּאָליצייאישער אַריינמישונג. פונדעסטוועגן איז די פון פריער אינפאָרמירטע פּאָליציי געווען מאָביליזירט אין פולער קאַמף־גרייטקייט, נאָך פאַר דער דעמאָנסטראַציע אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט. און ווען די ארבעטלאָזע זענען געקומען פאַר דער לשכת עבודה, זענען די גומי־שטעקנס געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. פיל אַרבעטלאָזע זענען צעשלאָגן געוואָרן, דערביי האָט מען נישט געשוינט קיין פרויען און סתם פאַרבייגייער. עטלעכע דעמאָנסטראַנטן, צווישן זיי – חברים פון מפא״י – זענען אַרעסטירט געוואָרן.

די אַרבעטלאָזע האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָבן אַ פופציק פון זיי זיך פארזאמלט אויף דער הרצל־גאַס, ביי דער אויטאָבוסן־סטאַציע אין רחובות. אַן אַלטער מאַן האָט אויף שטום־לשון, צולייגנדיק די האַנט צום מויל, געגעבן צו פאַרשטיין: **מיר הונגערן**. אַ פרוי האָט אויפגעהויבן איר קינד און דער הייך און געשריגן: **אונדזערע קינדער ווילן עסן**. די איינוואוינער פון רחובות זענען געווען גערירט פון אַזאַ האַרצרייסנדיק בילד און נישט איינעם האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. אונדזער פּאָליציי האָט צום צווייטן מאָל רעאַגירט אויף דער שטומער דעמאָנסטראַציע מיט אכזריותדיקע קלעפּ, צעטריבן די אַרבעטלאָזע, ״געגעבן זיי אַ לעקציע״ פון בירגערלעכער דיסציפּלין און געהאָרכזאַמקייט, און, ווי דער שטייגער, אַ צאָל אַרבעטלאָזע אָפּגעפירט אין אַרעסט.

דער פּאָליצייאישער איבערפאַל אויף שטיל־דעמאָנסטרירנדיקע ארבעטלאָזע אין רחובות איז נישט דער ערשטער און אויך נישט קיין פאַראיינצלטער פאַל אין ישראל. כמעט יעדן טאָג דערציילט די צייטונגס־כראָניק וועגן פיל אַרויסטרעטונגען פון ארבעטלאָזע וואָס מאָנען זייער רעכט: **די רעכט אויף אַרבעט און די רעכט אויף לעבן**. אָנשטאָט צו ענטפערן די דאָזיקע הונגעריקע מענטשן ווי ס׳געהער צו זיין, באַרויקן זייערע געמיטער, אַרויסווייזן זיי ממשותדיקע הילף, – ווערט אין די מייסטע פאַלן געשיקט דער פּאָליציאַנט. ער דאַרף מיט זיין שטעקן לייזן דאָס אָנגעווייטיקטע פּראָבלעם פון דער מדינה וואָס הייסט אַרבעטלאָזיקייט. די אייגענע רעגירונג וואָס טראָגט די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער געשאַפענער לאַגע, זוכט נישט די קאָנסטרוקטיווע מיטלען צו געבן באַשעפטיקונג די וואָס נייטיקן זיך, זי האָט צוגעטראַכט אַ מער ״ראַדיקאַל״ מיטל: דעם פּאָליציאַנטס גומי־שטעקן וואָס דאַרף פונעם אַרבעטלאָזן אַרויסקלאַפּן דעם חשק צו **פאָדערן** אַרבעט. ווייזט אויס, אַז דאָס וואָס אונדזערע עקאָנאָמיסטן איז נישט געלונגען אויסצוכישופן פון דער ״נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק״, ווילן זיי לייזן מיטן כוח ־כוח פון שטעקן

קלעפּ, אַרעסטן און איזדעקעווען זיך איבער הונגעריקע און נויטליידנדיקע איז, ווייזט אויס, איינער פון די אָנגעזעענע פונקטן פונעם קאָאַליציע־פּראָגראַם. אויב מפא״י פילט נישט די שענדלעכקייט און שענדלעכקייט פון שיקן פּאָליציי צו אַן אַרבעטלאָזע־דעמאָנסטראַציע און לאָזן איר זיך ווילגיין איבער די אומגליקלעכע – איז אודאי נישט קיין וווּנדער אויף זייערע ״אַלגעמיינע״ שותפים. און אינטערעסאַנט – צו אַזעלכע ״אקציעס״ פעלט נישט אויס קיין

פּאָליצײ. בײ אַזאַ געלעגנהײט קומט זי געװײנלעך אין דער צײַט און אין אַ געזונטער צאָל. דערפֿאַר אָבער פֿעלן זײ אױס, װען זײ דאַרפֿן דערפֿילן זײער פֿליכט אױף אַנדערע ערטער.

*

מיט פֿיר יאָר צוריק זענען עטלעכע צענדליק עולים־משפּחות פֿון טשעכאָסלאָװאַקיע און אונגאַרן אַרױף אױף באָדן בײ דער סאַמע גרענעץ, אײַנגעביסן זיך אין דער ערד, אױפֿגעשטעלט װירטשאַפֿטן – מיט קי, מויל־אײזלען, עופֿות פֿון כּל המינים. די סכנות האָט צוביסלעך געהאָלפֿן – מיט הײזקעס, געהילף־געבײדעס, טראַקטאָרן, צוגעפֿירט װאַסער און דערמעגלעכט דעם מושב זיך צו שטעלן אױף די פֿיס. פֿאַרשטײט זיך, אַז דאָס אַלץ איז נישט צוגעגאַנגען אָזױ גלאַטיק, אָן שטרױכלונגען, – אָבער די ײדן האָבן זיך עקאָנאָמיש גוט אײַנגעאָרדנט.

פֿונדעסטװעגן איז דאָס דאָרף באַהערשט פֿון אומרו. בלױז פֿאַר די לעצטע עטלעכע װאָכן זענען דאָרט פֿאָרגעקומען עטלעכע פֿאַלן פֿון רציחות. אין פֿינצטערע נעכט זענען אומגעקומען אַ פֿרױ, אַ קינד, אַ מאַן. די אַראַבישע אַרײַנדרינגלערס האָבן קאַלטבלוטיק געמאָרדעט. דאָסמאָל – נישט גערױבט, נישט געגזלט, נאָר סתּם אומגעבררענגט מענטשן. מאָרד לשם מאָרד. די פֿאַרברעכער זענען אומבאַשטראָפֿט אַנטלאָפֿן אױף יענער זײַט, פֿונװאַנען זײ זענען געקומען.

פֿרעגן די מושבניקעס:

פֿאַרװאָס איז בײ די גרענעץ־פּונקטן מעגלעך אַזאַ באַװעגונג־פֿרײַהײט פֿאַר די מסתננים? פֿאַרװאָס זאָלן די אײַנװױנער פֿונעם דאָרף נישט פֿילן די שוץ פֿון דער מדינה און איר פּאָליצײ? אמת, איר קאָנט זיך אױף די אײַנװױנער גופֿא אױף פֿאַרלאָזן, זײ דערפֿילן די פֿליכט פֿון באַשיצן דאָס לעבן פֿון זײערע משפּחות. אָבער זײ פֿאָדערן מיט רעכט: ממשותדיקע הילף פֿון די מלוכהשע זיכערהײט־אָרגאַנען.

בײ דער געלעגנהײט קומען נאָך עטלעכע פֿראַגן, װאָס האָבן נישט קײן דירעקטע שײַכות צו מיליטערישע אָדער פּאָליצײאישע ענינים, אָבער זײ זענען ענג פֿאַרבונדן מיט דער זיכערקײט פֿונעם דאָרף. ער היום איז נאָך דאָרט נישט פֿאַראַן קײן עלעקטריע און קײן טעלעפֿאָן. "װאָלט דאָס דאָרף געװוען באַלױכטן בײ נאַכט" – דערקלערט אַ מושבניק, – "קאָן נישט געמאָלט זײַן, אַז אַ מסתנן זאָל װאַגן אַהערצוקומען. מיר װאָלטן אים גלײַך דערזען. אָדער װאָלט אין דאָרף געװוען אַ טעלעפֿאָן, קאָנען מיר גלײַך אַרױסרופֿן די נײטיקע הילף, כּדי אָניאָגן און כאַפּן די אַרײַנדרינגלער. שװער צו פֿאַרשטײן, פֿאַר װאָס אַזאַ װיכטיקער גרענעץ־פּונקט איז געבליבן אָן באַלײַכטונג און אָן טעלעפֿאָנישער פֿאַרבינדונג. אַזאַ באַציונג צו אַ גרענעץ־פּונקט קאָן דאָך אַנדערש נישט באַצײכנט װערן װי פֿאַרברעכערישע לײַכטזיניקײט".

*

"פּאָליצײ שלאָגט אַרבעטלאָזע!" אַזעלכע קעפּלעך איבער ידיעות חזרן זיך לעצטנס איבער אין די צײַטונגען, פֿיל מערער, אײדער ידיעות, אַז "פּאָליצײ האָט אַנטדעקט פֿאַרבּרעכער", "פּאָליצײ העלפֿט די קינדער אין די מעברות"; – אָדער: "פּאָליצײ זיכערט די זיכערקײט פֿון די גרענעץ־פּונקטן". װעלן מיר זאָגן, אַז שולדיק איז דאָ נאָר די פּאָליצײ? נײן, נישט נאָר די פּאָליצײ איז דאָ שולדיק, שולדיק איז קודם כּל די רעגירונג.

(נ"װ ת"א, 10.7.53)

# אַן עקספּאָרט און אימפּאָרט וואָס שעדיקן

גראָד איצט, אין סאַמע ברען פון סעזאָן, ווערן פיל בוי־אַרבעטער אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט. ביי די אָקערשט אָנגעהויבענע צי האַלב־פאַרטיקע געביידעס הערשט אַ טויטע שטילקייט. נישט געדעקטע הייזער און בנינים, מיט אָפענע פענצטער־לעכער און נישט געטינקטע ווענט, זענען שטומע עדות פונעם פלוצימדיקן איבעררייס אין דער בויונג. די לעבעדיקע עדות – די רעדוצירטע בנין־אַרבעטער – ווערן אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס און פאַרגרעסערן די אַזוי אויך גרויסע אַרמיי אַרבעטלאָזע.

מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערן די ירידה אין דער בוי־באַוועגונג?

אָפיציעלע קוועלן און אויך די אונטערנעמערס פאַרזיכערן, אַז אין לאַנד פעלט אויס צעמענט. דער מאַנגל אין דעם דאָזיקן ערשטראַנגיקן בוי־מאַטעריאַל האָט גורם געווען צום אָפּשטעלן די אָנגעהויבענע אַרבעטן און דערפירט צו אַ קריזיס אין דער בוי־בראַנזשע. ביים אלגעמיינעם מאַנגל אין לאַנד, איז נישט קיין איבעראַשונג, ווען עס פעלט אויך אויס צעמענט. נאָר אויב עס איז טאַקע אַזוי, פאַר וואָס ווערט קיין טערקיי עקספּאָרטירט ישראלדיקער צעמענט, און גראָד אין גרעסערע קוואַנטומס? פאַר וואָס האָט די "נשר"־פאַבריק געפונען פאַר נויטיק צו באַזאָרגן דעם טערקישן בוי־מאַרק מיט היגן צעמענט, בעת זי קאָן נישט אין אַ גענוגנדיקער מאָס ליפערן דעם דאָזיקן אַרטיקל פאַרן ישראלדיקן בוי־וועזן? זיכער וועט יעדער טרייער בירגער פון לאַנד פרייען זיך מיט דער דערגרייכונג, אַז ענדלעך עקספּאָרטירן מיר צעמענט קיין אויסלאַנד. אויב אָבער דער עקספּאָרט דאַרף געמאַכט ווערן אויפן חשבון פון ישראלדיקן בוי־אַרבעטער און פון דער היגער־בוי־באַוועגונג – איז מוחל טובות! אַזאַ עקספּאָרט דאַרף מען נישט האָבן, ער מוז גלייך ווערן אָפּגעשטעלט!

די דאָזיקע גערעכטע פאָדערונג איז פאָריקע וואָך אַרויסגערוקט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער מפ"ם־באַראַטונג פון טוערס אינעם בוי־אַרבעטער־פאַריין. עס איז געשילדערט געוואָרן די שווערע לאַגע אינעם בוי־פאַך סיי צוליבן אַרויספירן צעמענט קיין אויסלאַנד, סיי צוליב דעם וואָס דאָס אַרטיקל ווערט מאַגאַזינירט ביי פריוואַט־סוחרים צוליב שפּעקולאַטיווע טעמים. די רעגירונג האָט פון פריער געוווסט, אַז די צוויי נייע צעמענט־פאַבריקן אין רמלה און אין הרטוב וועלן אין די חדשים יולי־אויגוסט ה.י. נאָך נישט ליפערן קיין צעמענט פאַרן היגן מאַרק, פונדעסטוועגן האָט זי זיך פאַרפליכטעט פון דער איינציקער צעמענט־פאַבריק "נשר" צוצושטעלן קיין טערקיי די דאָזיקע סחורה.

זיכער מוז די רעגירונג בלייבן טריי דעם געשלאָסענעם האַנדלס־אָפּמאַך מיט טערקיי צי איז זי אָבער פּטור זיך צו ברעכן דעם קאָפּ פאַרן גורל פון די ישראלדיקע בוי־אַרבעטער? לײדער, איז דאָס נישט קיין ספּאָראַדישער פאַל, צי איינצלנער דורכברוך אין דער גאַנצער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער קאָאַליציע. אויך אויפן געביט פון אימפּאָרט איז צו פאַרצייכענען אַ שעדיקערישע פּאָליטיק, וואָס גראָבט אונטער די יסודות פון דער ישראלדיקער אינדוסטריע און איז גורם צו אַ פאַרגרעסערטער אַרבעטלאָזיקייט. די צייטונגען מעלדן כסדר, אַז אייזן־דראָט, שרויפן, מילך־קאַנען, עלעקטרישע מאַטעריאַלן און אַנדערע ארטיקלען וואָס ווערן פּראָדוצירט אין ישראל און האָבן זיך קונה־שם געווען מיט זייער הויכער קוואַליטעט און נידעריקן פּרייז – ווערן איצט בשפע אַריינגעבערענגט אין לאַנד. דאָ רעדט זיך נישט פון די שילומים־סחורות (וואָס וועלן גאָר בקרוב אָנקומען), נאָר וועגן אַזעלכע אַרטיקלען, פאר וועלכע מען דאַרף צאָלן ווערטפולע דעוויזן, וואָס זענען אַזוי קנאַפּ בנמצא אין לאַנד און באַרייכערן דערמיט די קעשענעס פון די פּריוואַטע אימפּאָרטערן, בעת אַ גאַנצע ריי פאַבריקן אין ישראל וועגעטירן אָדער מוזן זיך שליסן, ווייל די זעלבע רעגירונג שטעלט נישט צו קיין רוי־שטאָף, צי די נויטיקע אויסלענדישע וואַלוטע. דער רעזולטאַט פון אַזאַ מ'שטיינס־געזאָגטער עקאָנאָמישער פּאָליטיק: רעדוקציעס און אַרבעטלאָזיקייט; איינשרומפּונג פון דער ישראלדיקער אינדוסטריע; פאַרשווענדונג פון דעוויזן.

די פּאָליטיק פון אַרויספירן און אַריינברענגען סחורות קיין ישראל איז בלויז אַ טייל פונעם גאַנצן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן רעזשים וואָס הערשט אין דער מדינה. עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן קלאָר און אנטשלאָסן: **אַזאַ** עקספּאָרט און **אַזאַ** אימפּאָרט – טויגן אויף כּפּרות! אָדער זיי ברענגען אַ ביסל דעוויזן און שאַפן דערפאַר אַרבעטלאָזיקייט, אָדער זיי **קאָסטן** גאָר דעוויזן – און דערצו נאָך פאַרגרעסערן זיי די אַרבעטלאָזיקייט. צו אַזאַ פּאָליטיק מוז וואָס גיכער נעמען אַ סוף.
(נ"וו ת"א, 1952)

# וועגן עליה, עולים און הילפלאָזע יידן

פּאָריקע וואָך איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַ פאַרברייטערטע זיצונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, געווידמעט אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג. די פראַגן פון **עליה** און **קליטה**, וועמענס קאָמפּעטענצן און אויפגאַבן באַלאַנגען צו דער סוכנות, זענען אין דער דעבאַטע שטאַרק באַוואָרנט און די דיסקוסיע איז אַוועק אויף גאַנץ אַנדערע ענינים: ווי אַזוי צו ענדערן דעם געבוי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פאַרוואַנדלען זי אין אַ מין "געזעלשאַפט פריינט פון ישראל" אין יעדן לאַנד באַזונדער, מיט דער כּוונה אויסצוהוילן זי פון יעטוועדן **חלוציש** און **ציוניסטישן** אינהאַלט. דערוויל זענען די דאָזיקע ליקווידאַטאָרישע פּלענער נישט אָנגענומען געוואָרן. אפילו די מפּא"י־דעלעגאַטן האָבן זיך נישט געאיילט אויסצוגעפינען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, הגם די פאָדערונג איז געקומען פון בן־גוריונען אַליין.

ווי געזאָגט, זענען די פראַגן פון **באַנייען די עליה** און פון **איינוואָרצלען אין לאַנד די פאַראַנענע עולים**, אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין שאָטן אויף די אויבנדערמאָנטע זיצונגען. די מפּא"יש־בירגערלעכע קאָאַליציע אין דער אַגענץ און אין דער רעגירונג האָט אַ פּנים גאָר ווינציק זאָרג פון דער קאַטאַסטראָפאַלער ירידה פון דער עליה, וואָס אירע ציפערן גלייכן זיך אָפּטאָל אויס מיט דער צאָל עולים, וואָס זענען געקומען אין לאַנד בעת דער מאַנדאַט־צייט, ווען עס האָבן געהערשט די דראַקאָנישע געזעצן פון "ווייס־בוך". נאָך ווייניקער אַרט זיי דער שווערער גורל פון די 196,226 עולים, וואָס געפינען זיך נאָך עד היום אין 88 מעברות, 4 ביתי־עולים און 32 אַרבעט־און איבערגאַנג־לאַגערן. ס'איז אויך נישט קיין צופאַל אָדער אַ פאַרזען מצד די מפּא"י־פאָרשטייער אין דער אַלטוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס זיי מיידן אויס צו רעדן וועגן דעם מצב פון קאָרגע 200 טויזנט נפשות, וואָס האָבן נאָך נישט קיין סטאַבילע וווינונגען, זיכערן אַרבעט־פּלאַץ און זענען פאַרמשפּט צו לעבן אין אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען, אין אַן אַטמאָספער פון קולטורעלער ירידה און אָפּגעשטאַנענקייט.

די פּאָליטיק אויפן געביט פון עליה און קליטה קומט באַזונדערס צום אויסדרוק אינעם אַרטיקל פון כנסת־מיטגליד אליעזר ליבנה "וואָס פאַר אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרפן מיר האָבן?" דערשינען אינעם זשורנאַל "פּאָלק און ציון", ערב דער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע. ווער עס וויל וויסן ווי אַזוי די מפּא"ישע שפּיצן טראַכטן וועגן דער עליה **וואָס איז געווען**, וועגן דער עליה **וואָס דאַרף קומען** און וועגן דער ראָל און אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בכלל – דאַרף זיך באַקענען מיט דעם אַרטיקל. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן בלויז אויף צוויי מאָמענטן און זיי וועלן זיין גענוג, אויף צו געפינען דעם מפּא"ישן שליסל צו די עליה־פּראָבלעמען.

דאָסמאָל האָט א. ליבנה אינגאַנצן פאַרגעסן די פאָדערונג פון עליה פונעם ראַטנפאַרבאַנד. פּלוצום האָט ער באַקומען גוטע אויסזיכטן אויף עליה פון יידישע קאַפּיטאַליסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דרום־אַמעריקע און מערב־אייראָפּע. אַזוי ווי פאַר אַ נגיד האָט מען דרך־ארץ, בפרט נאָך אַזאַ "סאָציאַליסט" ווי ליבנה, לייגט ער פאָר נישט מער און נישט ווייניקער:

"דאָ אין ישראל דאַרף אויך געמאַכט ווערן אַ צוגרייטונג־אַרבעט דורך צופּאַסן דעם רעזשים פון דער מדינה צו די באַדערפענישן פון די עולים. אינוועסטירן קאַפּיטאַל אין ישראל איז אַן אַנטשיידנדיקער שריט צו עליה. די יידן, זיי אָדער זייערע קינדער, וועלן נאָכקומען נאָך זייער קאַפּיטאַל. אַזאַ מין באַוועגונג וועט נאַטירלעך פאָדערן פון דער ישראל־רעגירונג צו שאַפן אין

לאַנד אומשטענדן, ביי וועלכע די עולים זאָלן קאָנען ווי געהעריק אויסנוצן זייערע באַרופן, זייער ספּעציאַליטעט און אינוועסטירן זייער קאַפּיטאַל ביי פּאַסיקע פּראָדוציר־באַדינגונגען".

אַלזאָ, פאַר די מערב־יידן (וועמענס עליה איז נאָך צווייפלהאַפט), איז דער מפא"ישער טעאָרעטיקער גרייט דורכצופירן אַ גאַנצע איבערקערעניש, ענדערן דעם רעזשים אין דער מדינה און צופּאַסן אים צו די אַפּעטיטן פון די רייכע עולים. אין דעם גענוג גרויסן אַרטיקל דערמאָנט נישט ליבנה מיט קיין וואָרט וועגן צופּאַסן דעם פּאַראַנענעם רעזשים לגבי די שוין פּאַראַנענע 200 טויזנט עולים־ותיקים. לויט ליבנהן, מעגן זיי נאָך זיצן אין די הילצערנע, לייוונטענע צי בלעכענע באַראַקן אָדער צעלטן, וועגעטירן אָן אַרבעט, אָן עקאָנאָמישער צי קולטורעלער איינגעאָרדנטקייט, מיט גאָר שוואַכע פּערספּעקטיוון אויף דער צוקונפט. פאַר אים (און זיין פּאַרטיי) זענען די **היגע** עולים שוין איינגעאָרדנט און פאַרזאָרגט. עס בלייבט נאָר צו ברעכן זיך דעם קאָפּ איבער די עולים פון מערב, און פאַר זייערטוועגן דאַרף מען אפילו ענדערן אין פּאָרויס דעם רעזשים פון דער מדינה, גלייך ווי אין ישראל וואָלט געהערשט אַ רעזשים וואָס באַעוולט, נעבעך, די אינטערעסן פון די רייכע...

און אַז מען פּאַלט אַזוי כורעים פאַר עולים־קאַפּיטאַליסטן, טאָ וואָסער מיינונג, מ׳שטיינס געזאָגט, קאָן שוין אַזאַ ליבנה האָבן וועגן דער עליה וואָס איז יאָ געקומען, נישט וואַרטנדיק אויף באַדינגונגען, פון די פּאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. אדרבא, לייענט וואָס ער שרייבט וועגן דעם:

"די עליה פון די לעצטע 5 יאָר האָט זיך פאַרענדיקט, פּאָרזיכטיקער געזאָגט: זי איז איבערגעריסן געוואָרן. וואָס פאַראַ סאָציאָלאָגישן כאַראַקטער האָט זי געטראָגן? לרוב איז דער קשר מיט אירע אָפּשטאַם־לענדער נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין שום געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט".

"איצט.:. זענען אויפגעטראָטן הילפלאָזע יידן פון די אָריענטאַלישע און טאָטאַליטאַרע לענדער".

"די דאָזיקע תקופה האָט זיך אָבער פאַרענדיקט. די עליה פון הילפלאָזע קיבוצים, פון אָנמעכטיקע גלותן — האָט זיך אָפּגעשטעלט".

גאָרנישט צופעליק מישט אויס א. ליבנה די עליה פון די פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס מיט דער עליה פון די אַראַבישע מדינות ("אָריענטאַלישע און טאָטאַליטאַרע לענדער") און באַצייכנט די עולים פון דאָרט, אַלע, ווי "הילפלאָזע יידן". דער מפא"ישער פּובליציסט האָט אַ באַזונדערן **פּאָליטישן** אינטערעס צו שטעלן אויף איין מדרגה דעם פּאָרגעשריטענעם סאָציאַליסטישן און מענטשלעכן רעזשים פון די פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס מיטן פעאָדאַלן, דיקטאַטאָרישן און קאָרומפּירטן רעזשים פון די אַראַבישע לענדער. בעת אין די ערשטע האָט מען די עליה **דערמעגלעכט, דערמוטיקט**, און בעת דער אַראַבישער אינוואַזיע אַרויסגעוויזן אויך **מיליטערישע הילף** מדינת־ישראל, האָט מען אין די צווייטע **געשטערט** און **באַשווערט די עליה**, פאַרפּאָלגט און פּאָגראָמירט די דאָרטיקע יידן און דורכגעפירט די **מיליטערישע אַגרעסיע** אויף דער נאָר־וואָס אַנטשטאַנענער מדינה. ביי ליבנהן איז עס אַלץ איינס. ווי זאָגט ער: "אָריענטאַלישע און טאָטאַליטאַרע לענדער"...

א. ליבנה האָט אויך געדאַרפט אַרויסברענגען דעם אַרגומענט פון "הילפלאָזע יידן", כדי מיט דעם דאָזיקן עפּיטעט צו באַצייכענען סיי די עולים פון פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיי, אונגאַרן, רומעניע, — סיי די עולים פון תימן, מצרים, איראק און לבנון. ווייל אויפן פאָן פון דער "הילפלאָזיקייט" און "נעבעכדיקייט" פון די מזרח־אייראָפּעישע און אַראַבישע יידן, וועלן מיט זייער פולן גלאַנץ און פּראַכט קאָנען דערשיינען די **מערב־יידן**, אויף וועמענס עליה א. ל. בויט אַזוי שטאַרק:

"זיי וועלן עולה זיין אין רעזולטאַט פון אַ וואָלונטערן, דורכגעטראַכטן און מיושבדיקן אַקט. זייער עליה וועט שעפן איר יניקה פון אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער און וועט זיין פאַרבונדן מיט דער אינטענסיוויטעט פון דער דאָזיקער אַטמאָספער".

דאָ אין די אָל אַרויסגעקראָכן פון זאק... זיי, די יידישע געלט־זעק, וועלן עולה זיין "אין רעזולטאַט פון אַ וואָלונטערן, דורכגעטראַכטן און מיושבדיקן אַקט", נאָר בלויז מיר, די עולים פון

די פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס, זענען אַהערגעקומען ווי "הילפלאָזע יידן". דוכט זיך, אַז נאָר אַזאַ מפא"ישער ציניקער ווי ליבנה האָט געקאָנט אויף אַזאַ אופן פאַרשווייכן און שענדן די באמת וואָלונטערע (אייגנווייליקע) עליה פון מזרח־אייראָפּעישע יידן, וועלכע האָבן געשוואַרצט גרענעצן, געלאָזט זיך איבער ימען אין מעפּילים־שיפלעך, דורכגעמאַכט די "עקזאָדוס"־עפּאָפּייע, געקומען אַהער אין סאַמע ברען פון דער באַפרייונגס־מלחמה, כדי גלייך פון דער שיף אַוועק אויפן שלאַכטפעלד, אפילו אומגעקומען, נישט זוכה זייענדיק אָנצוקוקן דאָס לאַנד צו וועמענס ברעגעס זיי האָבן אַזוי געגאַרט. אויף דעם אַלעמען האָט די מפא"ישע טערמינאָלאָגיע איין באַצייכענונג: הילפלאָזיקייט!

די ציוניסטישע מנהיגים האָבן געמעגט אָפּשטופּן אָן אַ זייט די פראַגן פון באַנייטער עליה און קליטה, עס וועט זיי אָבער נישט העלפן. די דאָזיקע פּראָבלעמען שטייען מיט זייער גאַנצער שאַרפקייט אויפן טאָג־אָרדענונג פון אונדזער מלוכהשן לעבן און פאָדערן אַ ראַדיקאַלע אַנטשיידונג.

(נ"וו, ת"א, 1952).

# ציפערן וואָס אַלאַרמירן

"איין באשעפטיקטער אויף אכט לוין־ארבעטער אין לאנד איז אין משך פון יאָר 1953 געווען א באשטימטע צייט ארבעטלאָז"; "אין פארגאנגענעם יאָר איז די ארבעטלאָזיקייט אנטקעגן יאָר 1952 געשטיגן מיט 88 פּראָצענט"...

אזעלכע אלארמירנדיקע ציפערן זענען די טעג פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן מרכז לשכות העבודה (צענטראלע פון די ביוראָען פאר ארבעט־פארמיטלונג). דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אז אין יאָר 1953 האָט די עליה אָנגעהויבן אויסצוגיין און אין געוויסע חדשים איז די צאָל יורדים איבערגעשטיגן די צאָל אריינגעקומענע עולים. פונדעסטוועגן האָט די ארבעטלאָזיקייט ארומגעכאַפּט איינוווינער אין די מעברות, ארבעטער פון שטאָט און דאָרף, פּאַרוואָרצלטע פאבריק־ארבעטער, האנדלס אָנגעשטעלטע און באַאַמטע און צעטרייסלט דאָס זיכערקייט־געפיל ביי די באשעפטיקטע, וואָס האָבן געלעבט אין א פארהעלטנישמעסיקער רויקייט בנוגע דער סטאַבילקייט פון זייער ארבעט־פּלאַץ. אפילו אין סאמע ברען פון דעם קטיף, איז דער טעגלעכער דורכשניט רעגיסטרירטע ארבעטלאָזע דערגאנגען ביז איבער 20 טויזנט. און קיין בעסערונג, אפילו אַן אָנדייטונג אויף אַ מילדערונג אין דער לאגע, זעט מען נישט. פארקערט, דווקא פון אָפיציעלע רעגירונג־קרייזן קומען גאַנץ הארבע וואָרענונגען און אָנזאָגן וועגן א פארערגערונג, ווייל אויב וועלכער מיניסטער נעמט שרין יאָ אַ וואָרט אין דער פראגע (און דאָס געשעט דאָך אזוי זעלטן), איז עס נאָר אויף שווארצער צו מאכן דאָס בילד, און עס פילט זיך ערשט ארויס, ווי די רעגירונג האָט נישט קיין שום קאָנסטרוקטיוון פּלאַן צו ליקווידירן די אַרבעטלאָזיקייט. אָט איז אין האנדלס־קלוב ארויסגעטראָטן מיט א רעפעראט דער קאָמוניקאציע־מיניסטער י. ספיר. עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אז דער מיניסטער וועט רעדן וועגן דעם ציווילן לופט־פּלאַט, וועגן שיפן, באַנען, אויטאָבוסן, וועגן די פּאָרטן אין חיפה, תל־אביב, אילת, וועגן די געהעכערטע פרייזן אויף בילעטן אין די באַנען און אין דער אויטאָבוסן־קאָמוניקאציע. אָבער וועגן דעם אלעמען — שאַ־שטיל, גלייך נישט אים מיינט מען, דעם מיניסטער פאר קאָמוניקאציע אין ישראל. זיין רעדנער־טאלאַנט האָט ער גאָר אויסגענוצט אויף צו קריטיקירן דעם פונאנדערגעבלאָזענעם רעגירונג־אַפּאַראַט און שטארק אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט פון **רעדוקציעס, אפילו פארן פרייז פון פארגרעסערן די צאָל ארבעטלאָזע**. דעם רעגירונג־מיטגליד פון די אלגעמיינע ציוניסטן איז גאָרנישט איינגעפאלן צו רעדן וועגן **לינדערן** די פאַראַנענע ארבעטלאָזיקייט, נאָר שטארק פּראָפּאַגירט איר **פארגרעסערונג**.

ארבעט־מיניסטער גאָלדע מאירסון, די אייגנטלעכע פאראנטוואָרטלעכע פאר ענינים פון באשעפטיקונג — שווייגט. אמת, איר פּאַרטיי־חבר אין דער רעגירונג, פינאנס־מיניסטער אשכול,

האָט אין דער בודזשעט־רעדע געפּרוווט געפינען א "לייזונג" פארן ארבעטלאָזיקייט־פּראָבלעם: שיקן די ארבעטלאָזע אויף התישבות, מאכנדיק זיך פארגעסן, אז אין די ראַמען פון דער אקציע "מהעיר אל הכפר" (פון שטאָט אין דאָרף), האָבן זיך באַזעצט אויף באָדן אין משך פון אנדערהאלבן יאָר בלויז 2.500 משפחות. אז מיר וועלן דערצו צוגעבן א צווייטן אַלאַרמירנדיקן ציפער וועגן 1300 פאַרלאָזטע הייזער אין דער נייער נישט־קיבוצישער התישבות, וועט זיך באקומען א גאָר טרויעריק בילד בנוגע די מיטלען מיט וועלכע די רעגירונג וויל לייזן די ארבעטלאָזיקייט־פראגע.

און נישט קיין וואונדער: אין משך פון לאַנגע קאָאַליציע פאַרהאַנדלונגען, פארן אויפשטעלן די רעגירונג שרת־רוקח, האָבן די שותפים זיך געאַמפּערט דער עיקר וועגן פראגן פון פאַרווערן חזירים־צוכט אין לאנד און וועגן א האלבער טעקע פון א וויצע־מיניסטער פאַר בילדונג, וואָס "קומט" די ציונים כלליים. טאָ ווי האָט מען געקאָנט רעדן וועגן אַזאַ "נאַרישקייט" ווי ארבעטלאָזיקייט, צי וועגן אָפּשטעלן דעם אונטערגראָבערישן אימפּאָרט פון אַרטיקלען, וואָס ווערן אויסגעארבעט אין לאַנד, דורך אויסברייטערן די אינדוסטריע און שאפן עפעקטיווע אויפנעם־מיטלען אין דאָרף, וואָס זאָל טאקע ווערן א צוציונג־קראפט פאר טויזנטער ארבעטלאָזע משפחות?

אויב די ציפערן האָבן נישט אלארמירט די מיניסטאָרן, אויפגערודערט זייער געמיטלעכקייט און זעלבסטצופרידנקייט מיט דער געשאַפענער לאגע אויפן ארבעט־מארק, וואָלט געוועזן די העכסטע צייט אז די **ארבעטלאָזע** גופא זאָלן אויפהויבן אן אָרגאַניזירטן און צילבאוואוסטן קאַמף פאר ארבעט און ברויט, פאַר אַ מענטשלעכן קיום פאר זיך און זייערע קינדער, פאר א פּראָדוקטיוו, שעפעריש לעבן אין דער מדינה. די העכסטע צייט, אז די ארבעטלאָזע זאָלן אַלאַרמירן! און פאר וואָס נישט טאקע אויך די ארבעטנדיקע, וואָס די פּאָליטיק פון דער קאָאליציע־רעגירונג נעמט זיי אוועק דעם באָדן פון אונטער די פיס?

(נ"וו ת"א, 4.3.54)

# קינדער אָן שולן

א וואונדערבאר געזעץ האָט די כנסת אָנגענומען מיט איבער א יאָר צוריק: קינדער פון 6 ביז 14 יאָר ווערט געזיכערט אומזיסטע בילדונג, דערביי איז די פליכט צו באזוכן די שול אן **אָבליגאַטאָרישע.** פונקט אזוי האָט דאָס געזעץ פאָרויסגעזען, אז קינדער אין עלטער פון 5 יאָר זאָלן **אָן אָפּצאָל** געניסן פון שטאָטישע קינדערגערטנער, ווייל דער דאָזיקער עלטער איז א צוגרייטונג פונעם קינד איידער עס הויבט אָן באזוכן די שול. אָבער עמעץ אנדערש ווי די רעגירונג האָט מאָדיפיצירט דאָס געזעץ וועגן אומזיסטע קינדערגערטנער, וואָס אין דער פּראַקטיק האָט דאָס געמיינט צו לאָזן אויפן גאס צענדליקער טויזנטער קינדער אָן עלעמענטארע בילדונג, אָן יענער קינדערישער פרייד אין אַ קאָלעקטיוו, וואָס איז באזונדערס נויטיק אין דעם עלטער. אָבער דער עיקר – דרייסיק טויזנט קינדער אין עלטער פון 6 ביז 14 יאָר זענען בכלל אויסער דער שול און 46 טויזנט יוגנטלעכע (פון 14 ביז 18 יאר) לערנען נישט, ארבעטן נישט, נאָר פוסט־און־פּאַסטעווען אָן א ציל, אָן א תכלית. אזעלכע ציפער־ן (אוי די ציפערן, די ציפערן!) האָט געברענגט אין כנסת א. ציזלינג, בעת דער אלגעמיינער דעבאטע איבערן בודזשעט. מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם ענטפער (אויב ער וועט בכלל קומען!) מצד דעם בילדונג־מיניסטער, פּראָפעסאָר דינור, – הגם דער פּאָליציי־מיניסטער שיטרית, בעת אן עפנטלעכער פאָרלעזונג אין רמת־גן, האָט שוין אָנגעוויזן אויף דער גוואלדיק אויסגעוואוקסענער פאַרברעכערישקייט ביי דער יוגנט.

שווער זיך פאָרצושטעלן, אז א יוגנט וואָס לערנט און שטודירט, ארבעט און פּראָדוצירט, זאָל זיין נוטה צו פארברעכנס. קינדער וואָס זענען ארויסגעשטויסן געוואָרן פון שול און ווארשטאט, זענען די בעסטע קאַנדידאַטן אויף צו ברעכן דאָס געזעץ, אַראָפּצונידערן די מאָראַל אין דער מדינה

און פארפולן די תפיסות.

די צייטונגען ברענגען פון צייט צו צייט א ידיעה, אז טאַטעס צי מאמעס ווערן באשטראָפט אין געריכט פאר עובר זיין אויפן שול־געזעץ דורך דעם וואָס זיי שיקן נישט זייערע קינדער לערנען אין דער שול. צי ווילן די הערשנדיקע קרייזן מיט אזעלכע שטראָפן באַרויִקן דאָס אייגענע געוויסן פארן מפקיד זיין דער גאַס צענדליקער טויזנטער קינדער און בארויבן זיי פון דעם סאמע נויטיקסטן?

(נ"ו ת"א, 4.3.54)

# עליה און ירידה

מיר אַלע געדענקען די אימפּאָזאַנטע און איבערראשנדיקע ציפערן פון דער מאַסן־עליה, וואָס האָט פון דער גאנצער וועלט א שטראָם געגעבן אין דער אויפגעריכטעטער יידישער מדינה. בלויז פאר דער צווייטער העלפט 1948 זענען אריינגעקומען 101,189 עולים. דריי יאָרן שפּעטער – א ראַשיקער וואוקס. יעדן חודש זענען יידן אין טויזנטער געקומען מיט שיפן און עראָפּלאנען, כדי זיך באַזעצן אין אייגענעם לאנד און בויען זייער לעבן. אין יאָר 1949 האָבן מיר זוכה געווען צו 239,076 עולים, 1950 – 169,405, 1951 – 173,901.

און אין יאָר 1952? די פעדער שטעלט זיך אָפּ אינמיטן שרייבן, גלייך זי וואָלט נישט געוואָלט פארצייכענען דעם פארשעמטן ציפער פון 13,375 עולים. און דאָס ווייטערדיקע יאָר – 1953 – דערציילט שוין ממש וועגן א קאַטאַסטראָפע אין דער עליה. בסך הכל זענען געקומען קיין ישראל 10,347 עולים. קאָן זיין, אז אינעם אלגעמיינעם באַרג־אראָפּ פון דער עליה, איז דער דאָזיקער ציפער אויך א טרייסט. ווייזט זיך אָבער ארויס, אז דעם זעלבן יאָר (1953) האָבן 8,657 פערזאָן אָפיציעל דעקלאַרירט זייער פארלאָזן דאָס לאנד. און ס'איז לגמרי נישט קלאָר, וויפל פון די ארויספאָרער אויף באַזוך קיין אויסלאנד, וועלן זיך נאָך אומקערן קיין ישראל. אזוי ארום באַקומט זיך, אז אין לעצטן יאָר האָט די צאָל עולים בערך זיך אויסגעגלייכט מיט דער צאָל יורדים און ס'איז נישט געווען קיין "ריווח" אין דער עליה.

ווער איז שולדיק אין אזא דערשיינונג? דעם לייענער פון "נייוועלט" דאַרף מען נישט קיין סך אויפקלערן די אמתע סיבות און פאַקטאָרן, וועלכע האָבן גורם געווען צום אָפּשטעלן די עליה – די צוקונפט פון דער מדינה, איר זיכערקייט, קאָלאָניזאַציע און אויפבוי. פונקט ווי דער היינטיקער רעזשים פון דער מדינה איז דער הויפּט־פאראנטוואָרטלעכער פאר דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאגע אין לאנד, פונקט אזוי טראָגט ער די אחריות סיי פאר דער חרפּהדיקער דערשיינונג וואָס הייסט "ירידה" (פאַרלאָזן דאָס לאנד), סיי פאר דער ממשותדיקער ירידה (באַרג־אַראָפּ) פון דער עליה.

(נ"ו ת"א, 23.4.54)

# ווו זענען די ישראלדיקע גבירים?

מיט צוויי וואָכן צוריק האָט דאָס לאַנד אָפּגעגעבן כבוד דעם אָנדענק פון באַראָן עדמונד בנימין דע־ראָטשילד, באַקאַנט אונטערן נאָמען "הנדיב הידוע". זיין געביין איז געבראַכט געוואָרן קיין ישראל און באַערדיקט געוואָרן אין דער ספּעציעלער נחלה אין זכרון יעקב. די פּרעסע, פאַרשידענע קרייזן אין לאנד און עמך, האָבן אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג פארן גרויסן אויפטו פון דאָזיקן אסימילירטן יידישן אריסטאָקראט, וועלכער האָט אוועקגעשאָנקען פיל פון זיינע מיליאָנען אויף קאָנסטרוקטיווע, עכט־נאַציאָנאַלע צוועקן. גראָד אין א צייט, ווען הערצלס פּאָליטישער ציוניזם אין נאָך געווען אין די וויקעלעך, און ווען א צווייטער יידישער גביר – באַראָן הירש, האָט פיל פון זיינע געלטער אוועקגעגעבן אויף יידישער קאָלאָניזאַציע אין... ארגענטינע. אין ראָטשילדס פילאנטראָפּיע, וואָס האָט זיך באגעגנט מיט אזויפיל באַרעכטיקטער קריטיק צוליב דער

ביוראָקראַטישער אדמיניסטראַציע פון די פּיק״א־באַאַמטע, האָט אָבער געשטעקט נאַציאָנאַלע וויזיע פארבונדן מיט פראקטישער קאָלאָניזאַטאָרישער ארבעט, פון וועלכער עס האָבן געגאָסן די מענטשן פון ביל״ו, חובבי־ציון און שפּעטערדיקע פּיאָנערן־עולים. מיטן נאָמען (און לייסטונגען) פון ״הנדיב הידוע״ זענען פארבונדן די נעמען פון די סאַמע עלטסטע יידישע ישובים אין לאַנד, ווי: זכרון יעקב, ראשון לציון, נס־ציונה, רחובות, מקוה ישראל, מחניים און פיל אנדערע. דעריבער אַזאַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון ראָטשילדס אויפטוען פארן לאַנד און פאַר דער מדינה.

אין שייכות מיט די ראָטשילד־פייערונגען שטעלט זיך טאַקע די פראַגע: און ווו זענען די ישראלדיקע גבירים? קאָן זיין, אַז א יעדער פון זיי פארמאָגט נישט אזויפיל **געלט** ווי דער פארשטאָרבענער באַראָן, אָבער די פּראקטיק באַווייזט, אַז זיי פארמאָגן אויך נישט קיין **ברעקל הארץ** פונעם הנדיב הידוע. עפּעס הערן מיר נישט, אַז אונדזערס א גביר זאָל אַמאָל מאַכן א זשעסט און שפּענדן גרויסע געלט־סומען פאַרן אוניווערסיטעט, פאַרן חיפהער טעכניקום אָדער פאַר אַן אנדערן וויסנשאַפטלעכן צי פּאָרשערישן אנשטאַלט אין דער מדינה, וואָס יעדער פון זיי באַזונדער און אַלע צוזאַמען פירן א שווערן געראַנגל פאַרן מאַטעריעלן קיום, פּונקט ווי ס׳זענען נישט באַוווּסט קיין פאַלן, אַז א ישראלדיקער גביר זאָל העלפן אויפשטעלן א מוזיי, א ביבליאָטעק, א דענקמאָל אויף צו באַערן א וויכטיק געשעעניש. אפילו אין די חסידישע קרייזן קלאָגט מען זיך אויף די היגע פרומאַקישע גבירים, אַז זיי זענען גאָרנישט אַזוי נוטה איינקויפן זיך א ביסל עולם־הבאַ מיטן לאָזן שרייבן א ספר־תורה אָדער בויען א שול. די דאָזיקע רייכע לייט, וועמען די הערשנדיקע אָרדענונג אין לאַנד האָט געגעבן ברייטע, אומקאָנטראָלירטע מעגלעכקייטן פון געשוואָלענע רווחים, האַלטן א פּנים, אַז פון דער מדינה און פון פאָלק דאַרף מען אויסצאַפּן די לעצטע זאַפטן, זיך באַרייכערן און פּאַראַזיטירן, בעת לייסטן פארן לאַנד – סיי אויפן געביט פון שטייערן, סיי מיט שפּענדונגען פאַר וויכטיקע צוועקן, – דאַרף דער ארבעטער און פאָלקסמענטש, וועמענס פּאַרדינסטן ווערן כסדר איינגעשרומפּענער.

די ישראלדיקע גבירים אין תל־אביב, ירושלים, חיפה צי נתניה זענען אייגנטלעך מענטשן פון סדום – די שטאָט פון רשעות און פּאַרדאָרבנקייט, מיט זייער ענגן קלאַסן־עגאָאיזם און געלט־גייציקייט. זיי דערגייען נישט צו דעם פילאַנטראָפּישן שטאַפּל צו וועלכן עס איז דערגאַנגען אַן אַסימילירטער אריסטאָקראַט נאָך אין די ששת ימי בראשית פון דער יידישער מדינה.

(נ״וו ת״א, 23.4.54)

# ״פאַרגעסענע״ דאַטעס

דער גורל פון דער אַלגעמיינער און יידישער געשיכטע האָט געוואָלט, אַז א צאָל דורכאַנאַנדיקע בלעטלעך פונעם קאַלענדאַר, זאָל אין די איצטיקע טעג צונויפפּלעכטן דריי דאַטעס און געשעענישן, וועלכע ווערן געפייערט אין ישראל:

ערשטער מאַי;

אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה;

געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע.

אויבנאויפיק, איז עס בלויז א קאַלענדאַרישער צופאַל פון פאַסירונגען און פאַקטן, ווייל ווי באַוווּסט, האָט יעדע פון די דריי געשעענישן זיך אָפּגעשפּילט ביי פאַרשידענע פּאָליטישע, געאָגראַפישע צי היסטאָרישע באַדינגונגען: די פּראָקלאַמירונג פון ערשטן מאַי אַלס ארבעטער יום־טוב איז פּאָרגעקומען אין יאָר 1889 אין פּאַריז; דעם אינטערנאַציאָנאַלן סטאַטוס פון א יידישער מדינה האָט ארץ־ישראל באַקומען דורך אונ״אָ אין יאָר 1947, אין לייק־סאַקסעס; דער געטאָ־אויפשטאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1943 אין וואַרשע.

אָבער דער עצם פאַקט וואָס גראָד היינטיקע וואָך ווערט געפייערט סיי דער עלפטער יאָרטאָג

פון געטאָ־אויפשטאַנד, סיי דער ערשטער מאַי, און דערנאָך – דער זעקסטער יום העצמאות, ווי אויך דער צוגאַנג און אָפּשאַצונג צו די אַלע דריי דאַטעס מצד אָפּיציעלע רעגירונג־פאַקטאָרן און הערשנדיקע פּאַרטייען, צווינגען אונדז דאָך צונויפפירן די אַלע דריי געשעענישן צו **איין אויסגאַנג־פונקט און מסקנה:** פאַראַן אַן ענגע שייכותדיקייט צווישן איין דאַטע מיט דער צווייטער

ווייל די טרעגערס פון דער באַוואָפנטער טאַט אין געטאָ, גענוי ווי די געשטאַלטיקערס און בויערס פון דער יידישער מלוכהשקייט, זײַנען אינספּירירט און סטימולירט געוואָרן דורך דער **אידעע פון ערשטן מאַי.** מיט אַנדערע ווערטער – דער קעמפער אין געטאָ ווארשע, ווי דער קעמפער מיטן אַקעראַייזן, האַמער און ביקס אין ארץ־ישראל, זײַנען געווען באַוווסטזיניקע ארבעט־מענטשן, וועמענס העלדישער פאַרמעסט האָט געקאָנט צושטאַנדקומען נאָר אַ דאַנק דעם גלויבן און דורכגענומענקייט מיט דער ערשטער מאַי־אידעע.

דעם דאָזיקן אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט באַמיט מען זיך ביי אונדז צו פאַרטושן און ביז אַ מינימום רעדוצירן די איניציאַטיוו און אָנטייל פון ארבעטער און פאָלקס־מענטשן אין די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע מלחמות, סיי אונטער די געטאָ־מויערן אין ווארשע, סיי אויף די פעלדער פון נגב און גליל, סיי אין דער היסטאָרישער ירושלים. מען מאַכט זיך פאַרגעסן, אַז די טרייע דער אידעע פון ערשטן מאַי, זײַנען ביזן לעצטן אָטעם־צוג געבליבן טריי דעם פאָלק און מיטן אייגענעם בלוט פאַרטיידיקט זיינע לעבנסוויכטיקע אינטערעסן.

גייענדיק אויף דער ליניע פון אַזאַ אָפּשאַצונג, האָט מען גראָד אין דער מדינה אָנגעהויבן "אויסבעסערן" די געשיכטע, נעגירן, צי פאַרשווייגן געוויסע געשעענישן. דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן ביי אַ "קלייניקייט": מ'האָט ליקווידירט די וועלטלעכע דאַטעס. נישטאָ קיין 19־טער אַפּריל, ווען עס האָבן אָפּגעהילכט די ערשטע יידישע שאָסן קעגן די נאַצי־חיילות אינעם ווארשעווער געטאָ, פּונקט ווי ס'איז ליקווידירט געוואָרן די דאַטע פון 14טן מאַי, וועלכע האָט אָנגעזאָגט דער וועלט, און קודם כל דעם יידישן פאָלק, אַז פון יענעם טאָג אָן באַקומען מיר אַ זעלבשטענדיקע מדינה. מ'איז נאָכגעקומען דעם רבנישן ווילן און פּרומאַקישן שאַנטאַזש צו פייערן די דאָזיקע טעג לויטן יידישן לוח, כדי אַזעלכע עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן אָנטאָן אַ רעליגיעזן שלייער און זיי אָפּגרענעצן פון יעטוועדער וועלטלעכקייט. אַזוי אַרום איז פון צוויי איבעראַל־אָנערקענטע, אָנגענומענע און פּאָפּולערע דאַטעס (19טער אַפּריל און 14טער מאַי) געוואָרן ווייניק־באַקאַנטע כ"ז ניסן און ו' אייר.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דאַטעס, האָט מען שוין צוגעשניטן דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון די צוויי פייערונגען אַזוי, זיי זאָלן לגמרי נישט אָפּשפּיגלען דעם אמתן גייסט פון קאַמף און רעוואָלט פאַר נאַציאָנאַלע אידעאַלן, אַגב צונויפגעקניפּט מיט סאָציאַלן פּאַטאָס און אינהאַלט. בדרך כלל האָבן די לעצטע קאָאַליציע־רעגירונגען אין ישראל נישט געפּלעגט דעם אָנדענק פון געטאָ־אויפשטאַנד אין אַזאַ מאָס, ווי די דאָזיקע געשעעניש האָט זיך פאַרדינט. ביז איצט איז קיין איין אָפּיציעלע מלוכהשע אָנדענק־אַקאַדעמיע לכבוד דעם געטאָ־אויפשטאַנד נישט פאָרגעקומען, אַ זאַך וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט דורכגעפירט אין ווארשע און אין אַנדערע שטעט אין טאָג פון 19טן אַפּריל. די באַציונג פון די רעגירונגס־קרייזן צום אָנדענק־טאָג פון אומקום און אויפשטאַנד איז אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק פאַראַיאָרן, ווען צו די מאַסן־פייערונגען אין קיבוץ לוחמי הגיטאות און קיבוץ יד מרדכי איז נישט געקומען קיין פאָרשטייער פון דער רעגירונג, הגם זי איז באַצייטנס איינגעלאַדן געוואָרן דורך ביידע קיבוצים. ערשט הייאָר, צום עלפטן יאָרטאָג, וועט "יד ושם" דורכפירן אין "יער הקדושים" אַן אַקאַדעמיע, מיטן אָנטייל פון מדינה־פּרעזידענט, מיניסטאָרן, כנסת־מיטגלידער און געטאָ־קעמפער. אויב דאָס מיינט אַן איבערברוך אין דער ביז איצטיקער איינשטעלונג, איז עס נאָר ווערט באַגריסט צו ווערן.

*

אַזוי אַן ערך וויל מען פאַרשווייגן דעם ערשטן מאַי. דאָ איז שוין די טאָן־געבערין מפא"י, וועלכע האָט נאָך פאַראַיאָרן אָנגעהויבן איר קרייץ־צוג קעגן ארבעטער יום־טוב. דעמאָלט איז דער

תירוץ געווען א "פראַקטישער", דורכגענומען כביכול מיט דער זאָרג פאַרן ארבעטער, זיין מידקייט צוליב די יום־העצמאות פייערונגען, וועלכע זענען אויסגעפאַלן מיט א טאָג פריער... היי־יאָר איז דער ערשטער מאי אין שבת, און דאָ איז מפא"י גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יאַרמולקע־פּאַרטיי, וואָס רק זי לאָזט נישט פאַרשוועכן דעם הייליקן רו־טאָג, אפילו פארן פרייז פון פאַרשוועכן דעם ארבעטער יום־טוב, וואָס איז הייליק און טייער מיליאָנען פראָלעטאַריער אויף דער וועלט. מפאַ"י האָט דאָס מאָל איבערגעשטיגן די ענגלישע לייבאָר־פאַרטיי, וועלכע פייערט דעם ערשטן מאי נישט אין טאָג וועןע ער פאַלט אויס, נאָר דעם ערשטן זונטיק אין מאי. ווייזט אויס, אז דער יידישער שבת איז מערער הייליק, ווי דער קאַטוילישער זונטיק, און אין די ערטער (צום גליק – נישט אַלע!) ווו עס וועלן נישט פאָרקומען קיין הסתדרותישע געמיינזאמע דעמאָנסטראַציעס, האָט זיי מפאַ"י בטל געמאכט מיטן ארגומענט פון... חילול שבת.

ערשט מיט א צייט צוריק האָט דער לאנד־ראט פון מפא"י, אויפן אויסדריקלעכן פאַרלאַנג פון בן־גוריון און רוקח־בערנשטיין, פאַרבאָטן די רויטע פאָן אין אלע שול־געביידעס. איצט, צום ערשטן מאי, מערער שוין פון אייגענער איניציאַטיוו ווי פון אויסערלעכן דרוק, האָט מפאַ"י איינגעוויקלט די רויטע פאָן.

די טענדענץ צו פאַרבלאָסן דעם אָנדענק פון געטאָ אויפשטאַנד, די איינשטעלונג צו ליקווידירן דעם ערשטן מאַי, וועט מען וועלן פאַרווישן מיטן בלענדנדיקן פייערווערק אינעם טאָג פון ישראלס זעלבשטענדיקייט. זיכער וועלן דעם אויבנאָן אויף דער רעגירונג־טריבונע פאַרנעמען די רבנים און רעליגיעזע מיניסטאָרן אין דער רעגירונג, וועלכע פירן אַן אָפענע און באַהאַלטענע מלחמה קעגן געזעץ פון נאַציאָנאַלן דינסט פאַר מיידלעך און געפועלט, אז ישיבה־בחורים (אפילו אין צייט פון מלחמה), זאָלן באפרייט ווערן פון מיליטער־דינסט, פאַרן איינציקן זכות וואָס זיי קוועטשן די בענק; אָנגעזעענע מחותנים אויפן פאַראַד וועלן אויך זיין די וויכטיקסטע שותפים אין דער קאָאַליציע – די ישראלדיקע בורזשואַזיע, וועלכע האָט אין **הינטערלאַנד**, בעת דער באפרייערישער מלחמה און אין די צנע־יאָרן נאָך איר, געמאַכט טונקעלע געשעפטן. אין הינטערגרונט וועלן זיין גראָד מפ"ם־פאַרשטייער, וועמענס הגנה־מענטשן, פלמ"ח־זעלנער און קאָמאַנדירן האָבן אזוי פיל בייגעטראָגן צום נצחון פון דער יידישער מלוכהשקייט. אזוי וועט עס זיין בלויז אויף דער טריבונע, אָבער דאָרט ווו מען דאַרף ווירדיק באערן דעם אָנדענק פון די געטאָ־העלדן, דאָרט ווו מען דאַרף נאָך העכער און שטאָלצער אויפהייבן די רויטע פאָן, דאָרט ווו מען דאַרף לענגויס די צערודערטע גרענעצן אָפּהיטן די מדינה – דאָרט איז מפ"ם יאָ דאָ אין דער ערשטער ריי.

די פאַרייניקטע ארבעטער־פּאַרטיי האָט געזאָרגט דערפאַר, אז די "פאַרגעסענע" דורך דער ישראלדיקער רעאַקציע און רעפאָרמיזם דאַטעס, זאָלן באַקומען בלוט און פלייש, מען זאָל ריכטיק אָפּשאַצן די פאַרגאַנגענע געשעענישן, כדי צו לערנען פאַר דער צוקונפט פון דער מדינה, פון פאָלק, פון יידישן ארבעטער־קלאַס.

גראָד אין טאָג פון ערשטן מאי איז פון א באַזונדערער וויכטיקייט ארויסצוברענגען און ווידער דערמאָנען די "פאַרגעסענע" דאַטעס, כדי אין זייער ליכט צייכענען א וועג פאַר אַ בעסערן מאָרגן.
(נ"וו ת"א, 30.4.54)

# געווער, היים און גאָרטן

מיט צוויי וואָכן צוריק איז אין בית־דגון געשלאָסן געוואָרן די "געווער־אויסשטעלונג 1957", כדי אין אן אויסגעברייטערטער פאָרם, מיט א צוגאָב פון קריגס־שיפן און אוויאַציע, צו דערשיינען אין חיפה. דאָס אָרט פון די מלחמה־מכשירים און געפּאַנצערטע כלי־זין, וועלכע זענען במשך א חודש געוויזן געוואָרן דער עפנטלעכקייט, פאַרנעמט איצט א נייע אויסשטעלונג – "היים און גאָרטן".

האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט א געוויינלעכן צופאַל, צי מיט א בכיוון פּלאַנירטער אקציע פון איינאָרדענען צוויי אויסשטעלונגען פון קעגנזעצלעכן כאראקטער?

א וואָסערער ס׳זאָל ניט זיין דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראגע, בלייבט אָבער א פאקט, אז אויף דעם זעלבן פלאַץ ווו ס׳האָבן אָקערשט געצויגן אלעמענס אויפמערקזאמקייט די שווער־האמטענע טאנקען, לייכט באוועגלעכע הארמאטן, פלינקע מיליטערישע אויטאָס און פארשידן־קאליבערדיקע באַמבעס און סנאריאדן – איז דערעפנט געוואָרן א פרידלעכע אויסשטעלונג, וואָס דעמאָנסטרירט גאָר אינערלעכע שטוב־איינריכטונג, דרויסנדיקע הויז־באַצירונג און געפלעגטע גערטנער.

די דאָזיקע פאָלגלעכקייט פון צוויי אויסשטעלונגען, איינער נאָך דער אנדערער, האָט אמבעסטן דעמאָנסטרירט פאר דער וועלט ווי פאר אונדז, אז דער כוח פון ישראל באשטייט נישט נאָר אינעם **וואפן**, אין **מיליטאריזם**, נאָר אויך אין שלווה׳דיקע און שלומדיקע בוי־פּראָצעסן, ווי **היים און גאָרטן**.

אוודאי וואָלטן מיר געוואָלט, אז די טויט־ברענגענדיקע טאנקען און עראָפּלאנען זאָלן אָפּטרעטן דאָס אָרט דער וואַשמאַשין און דעם עלעקטרישן שטויבזויגער, ווי ס׳איז די טעג געשען אויפן אויסשטעל־פּלאַץ אין בית־דגון. אָבער אין דער איצטיקער פּאָליטישער ווירקלעכקייט אין ראַיאָן, קאָן עס בלויז זיין א הייסער באגער. פאָרלויפיק נויטיקן מיר זיך אפשר מערער אין געווער, ווי אין דער קיל־שראַנק.

פארוואָס?

**אנשטאט שטילשטאנד — וואָפן...**

מיט העכער אכט יאָר צוריק איז אויפן גריכישן אינדזל ראָדאָס אונטערגעשריבן געוואָרן דער וואָפנשטילשטאנד־הסכם צווישן ישראל מיט מצרים, ירדן, סיריע און לבנון. יעדער איינער פון די פיר דאָקומענטן הייבט זיך אָן מיט אזא אריינפיר:

"אזוי ווי די צדדים פון דאָזיקן הסכם האבן געענטפערט אויפן באשלוס פונעם זיכערהייט־ראט פון 16טן נאָוועמבער 1948, וועלכער האָט גערופן צו פירן פאַרהאנדלונגען וועגן וואָפנשטילשטאנד אלס צייטווייליק מיטל און כדי פארלייכטערן דעם איבערגאנג פונם פאראנענעם פייער־איבערייס ביז א סטאבילן שלום אין ארץ־ישראל; באשליסן די צדדים אָנצוהויבן פארהאנדלונגען אונטער דער אָנפירונג פון די פאראייניקטע פעלקער, כדי רעאליזירן די באשלוסן פונם זיכערהייט־ראט פון 4טן און 16טן נאָוועמבער 1948".

אלזאָ – די עצם אידעע פון דעם אָפּמאַך האָט באדארפט פאַרפיקסירן נישט נאָר די אנערקענונג פונעם יידישן מיליטערישן נצחון איבער די אראבישע אגרעסאָרן, נאָר דער עיקר – באַנען א וועג פאר א סטאבילן שלום. אָבער די אראבישע הערשער, ביי דער פולשטענדיקער צושטימונג פון די גרויסמאכטן און אונ"אָ, האָבן דעם דורך זיי אונטערגעשריבענעם הסכם פארוואנדלט אין א ווערטלאָזן פאפירל. אנשטאט שלום־פארהאנדלונגען – "פעדאיון"־רוצחים וואָס האָבן געזייט טויט און פארוויסטונג דורך מאָרדן אומשולדיקע פרויען, קינדער און אלטע לייט אין די קיבוצים און גרענעץ־פונקטן, אויף פרידלעכע אויספלוגן, בעת וויסנשאפטלעכע עקסקורסיעס, צי אויף ארבעטער באשעפטיקטע ביים אויפלעבן די נגב־וויסטעניש; אנשטאט אָנעמען די אויסגעשטרעקטע ישראל־האנט און איינאָרדענען א גוט־שכנותדיק, פרידלעך צוזאמענלעבן, האָבן דעגענערירטע מלכים און געפּיעשטשעטע דיקטאטאָרן געהאלטן אין איין דעקלארירן, אז זיי אנערקענען נישט אונדזער מדינה, איבערלאָזנדיק פאר איר איין־און־איינציקן "גורל": צו ווערן פארניכטעט און אירע איינוווינערס שליידערן אין ים...

צוליב דער דאָזיקער פיינטלעכער אראבישער פּאָליטיק, וועמען ס׳האָט אויך צוגעשפּילט דער קאָנקורענץ־פארמעסט פון ביידע גרויסמאכטן פאר השפעה אויפן נאָענטן מזרח, איז קיין שלום אין דעם ראַיאָן ניט דערגרייכט געוואָרן. פארקערט: די שפּאנונג האָט געהאַלטן אין איין שטייגן און קורצע, נישט אָפּטע איבערייסען אין די אראבישע דיווערסיע און מאָרד־אקטן, האָבן זיך שנעל

פאַרענדיקט, כדי שפּעטער אויסברעכן מיט נייער קראַפט און פאַרנעם. עטלעכע פּראָוואָקאַטיווע ארויסטרעטונגען און רציחות מצד אונדזערע שכנים, האָבן אין קאָנסעקווענץ דערפירט צו רעוואַנזש־אַקציעס מצד ישׂראל, וועמענס קרוינונג ס׳איז געווען די סיני־קאַמפּאַניע אין אָקטאָבער 1956. אָבער ביידע מיליטערישע נצחונות פון די צה״ל־כּוחות אין יאָר 1948 און מיט 8 חדשים צוריק, האָבן נישט געבראַכט דעם געגאַרטן פרידן.

נישט ווינציקער אחריות פאַר דער אָנגעשטרענגטער לאַגע, פאַלט אויף דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, מיט איר גענעראַל־סעקרעטאַר, דאַג האַמערשילד. אויך דער ״באַגדאַדער בונד״ און די מצריש־טשעכישע געווער־טראַנזאַקציע, די אייזנהאַוער־דאָקטרין און די סאָוויעטישע דעקלאַראַציעס, האָבן פיל בייגעטראָגן צום פאַרערגערן די לאַגע. זייער א סך דערקלערונגען זענען שוין אָפּגעגעבן געוואָרן פון אַמעריקאַנער פּאָליטיקערס, סאָוויעטישע מנהיגים און די וואָרטזאָגער פון אונ״אָ. אָבער איין הויפּט־געדאַנק האָט געפעלט: וועגן א סטאַבילן שלום צווישן ישׂראל און אירע שכנים. א גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל פון פעלקער און לענדער האָט זיך ווייניק געקימערט וועגן גורל פון ישׂראל. דערפאַר האָט די מדינה געמוזט אליין נעמען אויף זיך די זאָרג פון זיכערן איר זיכערקייט און שטאַרקן איר אַרמיי און באַוואָפענונג.

## דער געווער־אינטערנאַציאָנאַל

די ״געווער־אויסשטעלונג 1975״ האָט טאַקע אַמבולטסטן דעמאָנסטרירט די דאָזיקע זאָרג און ציטער איבער אונדזערע באַוואָפנטע כּוחות. און הגם די אויסשטעלונג איז געווען א ישׂראלדיקע, האָט אָבער דאָס רעפּרעזענטירטע געווער פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אמתן אינטערנאַציאָנאַל:

דער אַמעריקאַנער 30־טאָניקער ״שערמאַן״־טאַנק; דער סאָוויעטישער קעגן־טאַנק האַרמאַט SU100; דער שפּאַנישער מינען־וואַרפער ״עספּאַרענצאַ״, דער איטאַליענישער וואַסער־דעסטילאַטאָר, וואָס באַזאָרגט זעלנער אויפן פראָנט מיט גוטע וואַסער; די נייעסטע מאָדעלן האַרמאַטן, עראָפּלאַנען און אַנדערע קריגס־מכשירים פון טשעכאָסלאָוואַקישער, שוועדישער, שווייצאַרישער, ענגלישער, דייטשער און פראַנצויזישער פּראָדוקציע. א גרויסער טייל פון זיי געהערן צום שלל, צו די קריגס־טראָפייען פון דער סיני־קאַמפּאַניע און אַנדערע מיליטערישע אַקציעס. אויך נייע מאַשינען, גוט קאָנסערווירטע, באַלאַנגען צו דער באַוואָפענונג פון צה״ל. אַזוי האָבן יידישע געלט־שפּענדונגען אין אויסלאַנד און ישׂראלדיקן פונטן פון פּרייוווליקע באַשטייערונגען און אָנגעוואָרפענע שטייערן, פונקט ווי די העלדישקייט פון אונדזערע זין אויף די שלאַכטפעלדער – צוזאַמענגעבראַכט אויפן אויסשטעל־פּלאַץ די אַלע שטאָלענע כּלים פון אַלטע און נייע מאָדעלן, די געווער־פּראָדוקציע פון גאַנצע צען מדינות, אויסער די היימישע ישׂראלדיקע געווער־אינדוסטריע, וועלכע איז גאָר באַדייטנדיק פאַרטרעטן אינעם צענטראַלן פּאַווילאָן פון דער אויסשטעלונג.

... זענען זיך געשטאַנען די פאַרגליווערטע שטאָל־מאַסיוון מיט זייערע אַרויסשטאַרצנדיקע רערן, קייטן־רעדער און קאָמפּליצירטע מעכאַניזמען ווי א מאָנונג, אַז בעסער זאָל זיין שלום אויף דער וועלט און ביי אונדז; און א דערמאָנונג פון זייער גרויסער פאַרניכטונג־קראַפט, פונעם כּוח פון פאַרוויסטונג וואָס עס טראָגט מיט זיך דער ראַקעטע־עראָפּלאַן, דער טאַנק, האַרמאַט און די – – אַטאָם־באָמבע. –

## ״מ׳זאָל עס נאָר ניט באַדאַרפן!״

באַרויקנדיק האָט געווירקט דאָס בילד אויף דער אויסשטעלונג, ווען תּימנער שול־קינדערלעך פון א מושב אין די בערג פון ירושלים, באַזאַמען מיט אַקערשט־געקומענע עולים־קינדער פון א ישוב אין דרום און תּלמידים פון א רמת־גנער מלוכהשער שול, האָבן פריי און זאָרגלאָז געקלעטערט אויף די טראָפּיי־טאַנקען, געגלעט די פליגל פונעם סילאָן־עראָפּלאַן אָדער געהאַלטן דעם רול פון מיליטערישע דזשיפּן. די קינדערישע ליבע און צערטלעכקייט צו די שטאָלענע מחבלים איז, ווייזט אויס, געדרינגען ניט נאָר פונעם געוויינלעכן נייגיר, נאָר זיכער אויך פונעם געפיל און אינסטינקט, אַז בעצם איז עס דער פאַרדינסט פון די דאָזיקע מלחמה־מאַשינען, וואָס זיי קאָנען

רויִק לערנען אין שול, אדער גאר, און דאס איז דער עיקר — אז זייער רעכט און מעגלעכקייט פון עולה זיין אין אייגענעם לאנד, איז אויסגעקעמפט געוואָרן אין דער באפרייונג־מלחמה אין יאָר 1948.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען די טויט־טראָגנדיקע קריגס־מכשירים זאָלן נאָר דינען פאר אן אויסשטעלונג פון רעקוויזיטן, אויף וועלכע קינדער קלעטערן ארום אָן זאָרג און אָן פחד. ווייל ס׳קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אז אונדזערע שכנים־הערשער זאָלן ווידער אָנהייבן פיבערן — און מען וועט דארפן די שיין קאָנסערווירטע מאשינען פונם אויסשטעל־פלאץ אריבערפירן אויפן שלאכטפעלד. ווילן מיר דאָס? ניין און טויזנט מאָל ניין! אונדז איז ליבער און נענטער צום הארץ די היים און דער גאָרטן — אנשטאט געווער — מ׳זאָל עס גאָרניט באַדאַרפן.

(י״ש, ת״א 13.6.57)

# ״אלטע״ פארלאנגען צום נייעם יאָר

שוין איצט, עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה, האָט די אַטמאָספער פון יום־טוב, פונעם יידישן ניי־יאָר, באַהערשט יעדער הויז אין ישראל. אין גאַס, אין דער היים, אין וואַרשטאַט און אויפן פעלד, הערן זיך די טראַדיציאָנעלע ווינטשן ״לשנה טובה״ — צוויי פשוטע ווערטער, אין וועלכע ס׳קומט צום אויסדרוק די ברכה פון כל־טוב פאַרן פאָלק, פאַר דער מדינה און פאַר יעדן בירגער אירן. מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט וועט מען אין די טעג זיך דרוקן די הענט און צולייגן נאָך אַ ברכה, אַרויסזאָגן נאָך אַ ווינטש... דערביי וועט נישט איינעם זיך שטעלן אַ טרער אין די אויגן ביים דערמאָנען זיך אין די וואָס זענען געפאַלן א קרבן פון די היטלעריסטישע רציחות און נישט דערלעבט דעם ראש־השנה תשי״ח צו פראַוּוען אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה, וואָס גרייט זיך היי־יאָר צו פייערן איר צען־יאָריקן געבורט.

*

איבער אלץ און אלעמען וועט אָבער דאָמינירן די סאמע וויכטיקסטע און אקטועלסטע ברכה: שלום! שלום אויף דער וועלט, שלום אין ישראל. די דאָזיקע תפילה און פארלאנג האָט פאר אונדז א ספעציעלע באדייטונג און גייט ווייט־ווייט ארויס פון דער אין ישראל אָנגענומענער, טאָג־טעגלעכער באגריסונג — ״שלום״.

די פּאָליטישע סיטואציע אין אונדזער ראיאָן איז אזעלכע, אז מ׳קאָן זיך שוין נישט צופרידנשטעלן מיטן ״פּאָעטישן״ פארגלייך וועגן ״שווארצע וואָלקנס אויפן לויטערן ישראלדיקן הימל״. ניין, די דאָזיקע וואָלקנס האָבן אין דער פאָרם פון ריזיקע געוועער־טראנספּאָרטן פון אמעריקאנער און סאָוויעטישער פּראָדוקציע, זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און געפונען זייער מקום אין נאָענטער שכנהשאפט פון ישדאל, אין די ארסענאלן פון מצרים, עיראק, סיריע, ירדן, לבנון און סאודיע. אויך די מדברדיקע תימן איז געוואָרן אן אָפּנעמער פון דער דאָזיקער סחורה. און דאָס אלץ איז געשען דערפאר, ווייל אין אזא צוריקגעשטאנענעם ראיאָן ווי דער נאָענטער מזרח, פארמעסטן זיך נישט ביידע וועלט־מאכטן צו שיקן אהער טראקטאָרן, טעלעוויזיע־אפּאראטן, עלעקטרישע אייזקאסטנס, מעדיקאמענטן, צי פארטיקע הייזער פאר שול־געביידעס. די אלע שיינע זאכן, וועגן וועלכע די פירער אין ווייסן הויז און אין קרעמל רעדן מיט אזא ווייכן לשון, ווערט דאָ, אין דעם צעשטורעמטן ראיאָן, אויסגעביטן אויף דער הארטער שפּראך פון קריגס־עראָפּלאנען, טאנקען, הארמאטן און אונטערוואסער־שיפן. די געוועער־סקלאדעס ביי די אראבישע שכנים האלטן זיך אין איין אויסברייטערן. די כמעט אומזיסטיקע ליפערונגען פון וואשינגטאָן און מאָסקווע הערן נישט אויף. דערביי זענען שטארק געוואָרן אין מאָדע צביעותדיק־ליגנערישע דערקלערונגען קעגן ישראל, באגלייט מיט עקלדיקע חניפה־רייד כלפּי די אראבישע הערשער, וועלכע האלטן פאר נויטיק צו ריידן וועגן ישראל ווי די גרעסטע געפאר, ווען מען מ׳דארף אָפּמעקן פון דער ערד. און וואָס מער זיי ווערן באוואָפנט, וואָס אָפטער זיי הערן ליבעס־דערקלערונגען מצד אייזענהאואער און בולגאנין, אלץ שארפער און פרעכער ווערן זייערע אנטי־ישראלדיקע ארויסטרעטונגען. אויף דעם

געביט איז נישט פאראַן קיין שום אונטערשיד צווישן דעם פּראָ־אַמעריקאַנער סאַוד צי דעם פּראָסאָוויעטישן קוואַטלי; צווישן דעם אויף מאָסקווע אָריענטירטן נאַסער און דעם געצערטלטן קינד פון דאַלעסן – חוסיין.

*

היינט אָבער זענען אונדזערע בליקן, מיט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, געווענדט צום צפונדיקן שכן – סיריע. אַרום דער דאָזיקער מדינה און אינערהאַלב איר קומט פאָר אַ פּערמאַנענט און פאַרמעסט ניט אַזוי צווישן אינערלעכע כּוחות, ווי פון לגמרי דרויסנדיקע קרעפטן. די מאַנעווערס פונם זעקסטן אַמעריקאַנער פלאָט אינעם מיטל־מזרחדיקן ים און דאָס דערשיינען פון סאָוויעטישע קריגס־שיפן אין דעם ראַיאָן, זענען אייגנטלעך די מיליטערישע אויסשפּראַך פונעם טיפן, פּאָליטישן געראַנגל צווישן די צוויי גרויסמאַכטן וועגן השפּעה און מאַכט אויפן מיטעלן אָריענט. אויף אייזנהאַוערס שליחים צי דעקלאַראַציעס, ענטפערט בולגאַנין מיט דראָאונגס־בריוו; אויף סאָוויעטישע געווער־טראַנספּאָרטן קיין דמשק, פאַרזוימט נישט וואַשינגטאָן צו ענטפערן מיט עראָפּלאַנען און אַנדערע געווער־מתנות קיין רבת־עמון. דאַלעס טענה'ט, אַז מאָסקווע האָט באַהערשט סיריע. אָבער גראָמיקאָ שווייגט ניט. זיין רעאַגירונג: די פאַראייניקטע שטאַטן ווילן באַהערשן סיריע (פאַרשטייט זיך – מיט דער הילף פון... ישראל).

דער שפּיל פון פרעמדע גרויסמאַכטן, פּילט אָן מיט שרעק. קלאָר ווי דער טאָג, אַז מיט סיריע אַליין, וואָלט זיך ישראל געקאָנט פאַרמעסטן – אין טעג פון פרידן, ווי אין טעג פון קריג. נאָר די צוויי אומגעבעטענע מחותנים וואָס פּאַרקען זיך אַרום דעם סירישן שכן, זענען עלול אַרויסצורופן אַזאַ שריפה, וואָס וועט אין דער געשיכטע זיכער באַצייכנט ווערן אַלס דריטע וועלט־מלחמה, אויב ס'וועט נאָך דעם ווער בלייבן צו שרייבן געשיכטע...

מען פילט באַשיינפּערלעך, אַז דער גאַנצער נאָענטער מזרח איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויוויסעקציע־קראָליק פאַרן קאַלטן קריג צווישן די צוויי וועלט־בלאָקן, דערביי אָבער ווערן די ווייטיקלעכסטע און פּילבאַרסטע שטעך דערלאַנגט ישראל.

אַמבעסטן וועלן טוען ביידע גרויסע, אויב זיי וועלן זיך אָפּטראָגן פון דעם ראַיאָן, אָפּשטעלן דעם באַוואָפענונג־געיעג און לאָזן די פעלקער באַשטימען זייער אייגענעם וועג. אויב שוין אַריינמישונג – איז בלויז צו העלפן נייטראַליזירן דעם ראַיאָן, שטרעבן צו באַרויקונג און דערפירן צו אַ סטאַבילן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים דורך דירעקטע פאַרהאַנדלונגען, אָן פאָרבאַדינגונגען.

*

גוט האָט געטאָן אונדזער רעגירונג, וואָס פאַר דער גאַנצער צייט פון סירישן קריזיס, האָט זי אַרויסגעוויזן געדולד, צוריקגעהאַלטנקייט און גלייכגעוויכט. מיר האָבן ניט געהערט אירע דעקלאַראַציעס און וויסן אויך נישט וועגן מיליטערישע שריט. אויך אויף להבא דאַרפן מיר זיין געוואָרנט און אָפּגעהיטן, כּדי נישט אַרונטערפאַלן דעם פּסיכאָז פון דער געשפּאַנטער לאַגע, מעגלעכע פּראָוואָקאַציעס פון פאַרשידענע צדדים, צי דראָענדיקע דערקלערונגען פון נאָענט און פון ווייט. אונדזער אינטערעס און באַגער איז: פרידלעכע בויונג, פאַרפעסטיקונג פון דער מדינה, ביי גלייכצייטיקער וואַכזאַמקייט, גרייטקייט און שלאָגפערטיקייט אויף יעדן פּרווו וואָס זאָל ניט קומען.

דערפאַר זענען לעכערלעך די טענות פון די, וועלכע באַשולדיקן ישראל אין מיליטאַריזם און עקספּאַנסיע. וויכטיקערע און וואָגיקערע ענינים ליגן אונדז אין קאָפּ, און פריער פאַר אַלעמען – עליה און קליטה.

מיר מוזן דיווירטשאַפט, זיכערהייט, קולטור, דערציונג און אַנטוויקלונג אונטעראָרדענען דעם רעזשים פון קיבוץ־גלויות, פון אויפנעמען און איינאָרדענען הונדערטער טויזנטער עולים וואָס האָבן געשטראָמט און וועלן שטראָמען פון אַלע רעזשימען, לענדער און קאָנטינענטן.

אויב פאַראַיאָרן אין דער צייט זענען מיר געווען עדות פונעם אָנהייב פון אַ באַנייטער עליה פון אייראָפּעישע לענדער, איבער וועלכע ס'האָבן געהאַנגען שווערע שלעסער פון פאַרבאָט און

באגרענעצונג, געפונען מיר זיך איצט אין סאַמע פּראָצעס פון אַ שטראָם וואָס באהעפט ברידער מיט ברידער און גיט באָדן אונטער די פיס די יעניקע, וועלכע האָבן פלוצום דערפילט ווי זיי הענגען אינדערלופטן — טראָץ די בעסטע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס, עקאָנאָמישע איינאָרדענונג און צופרידענע זעלבסט־זיכערקייט אין די לענדער פונוואַנען מ׳איז געקומען. דער דאָזיקער פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג מוז פאַרענדיקט ווערן מיט עליה קיין ישראל סיי לטובת די עולים גופא, סיי לטובת זייער אויפנעמערין — די מדינה, וואָס האָט ווי אַ צאַרטע מאַמע אויסגעקוקט דעם טאָג פון באהעפטונג...

און ווי צו יעדע, אויב די מאַמע וועט זיך פאַרוואַנדלען אין א שטיפמוטער און די קינדער וועלן פאַרגעסן אין זייערע יסורים. א געלייטערטע דורכן הארבן נסיון, אן אדורכגעדרונגענע מיט ווילן איינצוואָרצלען די עליה, מוז מדינת ישראל און אירע באַרופענע דערצו אינסטאַנצן אַלץ טון, כדי די חבלי־קליטה זאָלן זיין וואָס קירצערע און לייכטערע. די זאָרג פאַר זייער אהערבערענגען טאָר נישט זיין קלענער פון דער זאָרג צו זיכערן זיי אַרבעט, וווינונג, קינדער־דערציונג, געזונטהייט־דינסט, אולפּן און טויזנטער אַנדערע קלייניקייטן פון זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. אָבער אויך פון די עולים גופא פאָדערט זיך פאַרשטענדעניש, געדולד, אויסדויער און יענע מאָס אָביעקטיווע אורטיילונג און מחילה, מיט וועלכער זיי פלעגן באַרעכטיקן און פאַרענטפערן פיל האַרבערע שווער־קייטן און דערשיינונגען אין אַנדערע לענדער. הערסטו זיך טיילמאָל איין צו די רייד פון א פּראָטעסטירנדיקן עולה, איז שווער צו באַפרייען זיך פונם איינדרוק, אז ער גיט אן אויסלאַדונג זיין צער און פאַרביטערונג צוליבן שווייגן במשך לאַנגע יאָרן — און מיר מוזן צאָלן דעם פּרייז פאַר פרעמדע חטאים...

*

דער ענין עליה טאָר זיך נישט באַגרענעצן מיט עטלעכע לענדער פון אייראָפּע, צפון־אַפריקע און יחידים פון אַנדערע לענדער. ביי 85% פון יידישן פאָלק איז צעזייט און צעשפּרייט צווישן פרעמדע פעלקער, לענדער, קולטורן און ציוויליזאַציעס. אמת, מיט דער אנטשטייונג פון דער מדינה, האָבן זייערע רוקנס זיך אויסגעגלייכט און דער קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן העכער. נישטאָ היינט קיין ייד אויף דער וועלט, וועמענס האַרץ זאָל נישט האַסטיקער קלאַפּן ביים דערמאָנען ישראל. אָבער פון סענטימענטן, געלט־שפּענדונגען און טוריסטישע באַזוכן, ביז ממשותדיקער עליה — איז פאָלג מיך א גאַנג. דערפאַר וועט קנאַפּ העלפן אונדזער ווינטש וועגן אַ גרויסער עליה אין יאָר תשי״ח. צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן ווינטש, זענען באַרופן די יידן אומעטום. זיי מוזן אנערקענען די נויטווענדיקייט צו באַזעצן זיך אין ישראל.

*

א הארב עליה־קאַפּיטל איז דאָס סאָוויעטישע יידנטום. וויפיל טעותדיקע און פאַלשע באַגריפן מיר האָבן געהאַט וועגן דאָזיקן דריי־מיליאָניקן קיבוץ, וואָס אין געוויסע יאָרן איז געווען דער רושם, אז זיי באַלאַנגען שוין צו די פאַרלוירענע בני־משה אויף יענער זייט סמבטיון... אָט האָבן אונדזערע שליחים צום פעסטיוואַל געבראַכט מיט זיך די בשורה פון ״עם ישראל חי״ אינעם רחבותדיקן ראַטנפאַרבאַנד. וועט מען די דאָזיקע יידן געבן די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן זייערע טרוימען און פאַרלאַנגען? וועט מען וועגן זיי, און נאָר וועגן זיי ווי אַ פאָלק, דערמאָנען בלויז ״יידישע שילדן״ אין ביראָבידזשאַן ווי אן איינציק־פאַרבליבענעם רעקוויזיט פון א נישט־געלונגענעם עקספּערימענט, אָדער — — — וועלן אין יאָר תשי״ח אָנהויבן אָפּגיין שיפן פונעם אָדעסער פּאָרט מיט עולים פון רוסלאַנד?

דערווייל האָט די סקאַנדאַליעזע האַנדלונג פון דער סאָוויעטישער געהיים־פּאָליציי כלפּי אַ ישראלדיקן דיפּלאָמאַט, וועלכער האָט זיך געפונען אין אָדעס, נאָך מער פאַרשאַרפט די אַזוי אויך גענוג שאַרפע באַציונגען צווישן ביידע מדינות — און הלוואי זאָל דער דאָזיקער פאַל נישט זיין קיין אָנזאָג פון אַ פרישן שטורעם, וועלכער איז עלול נאָך מער צו פאַרקלענערן די האָפענונגען פון עליה פונעם רוסישן יידנטום.

אַלנפאַלס, קיין בעסערע לייזונג פאַר די צוריקגעפונענע ברידער – אויסער עליה – זעען מיר נישט.

*

די איצטיקע רעגירונגס־קאָאַליציע מיט די דריי ארבעטער־פּארטייען בראש, איז אריינגעטרעטן אין דריטן יאָר פון איר עקזיסטענץ. ווי פּאָזיטיוו ס׳זאָל נישט זיין דער בילאנס פון איר טעטיקייט, דערגרייכונגען, אויפטוען און פלענער אויף דער צוקונפט, איז שווער זיך צו באפרייען פונעם געפיל און באַוווסטזיין, אַז ס׳וואָלט געקאָנט און געמעגט זיין בעסער.

ס׳איז א סוד פאר גאנץ בראָד, אז דאָס הארמאָנישע צוזאמענלעבן אין דער קאָאַליציע, באזונדערס פון די ארבעטער־פּארטייען, איז צעשטערט, אין רעזולטאט פון דער מאכט־גייציקייט און באהערשונגס־מאַניע פון דער מערהייט־פּארטיי, וועלכע איז : גרייט אויף ווייטגייענדיקע פשרות און וויתורים כלפּי איר רעליגיעזן און בירגערלעכן שותף, אַרויסווייזנדיק הארטנעקיקייט און עקשנות כלפּי דעם ארבעטער־פאַרבינדעטן. אזוי צ.ב. ווערן נישט אָפּגעהיטן און רעאַליזירט די גרונט־ליניעס, וועלכע זענען געווען דער יסוד פאַר אויפשטעלן די איצטיקע קאָאַליציע. און נישט נאָר אין דער רעגירונג, נאָר אויך אין דער הסתדרות און אין די מוניציפּאַליטעטן מערקן זיך ענלעכע דערשיינונגען. מפא״י מוז פאַרלאָזן איר ביזאיצטיקן וועג, כדי די קאָאַליציע פון מיניסטאָרן פאַרוואַנדלען אין אַ קאָאַליציע פון הערצער – פאַר מערער דערנענטערונג, פאַר פעסטיקן די איינהייט. נאָר אין דעם איז צו זען דעם איינציק רעאַלן שאנס צו פאַרווירקלעכן דעם רוב אויפגאַבן מיט וועלכע עס ראנגלט זיך די מדינה אויפן שוועל פון נייעם יאָר.

מיט די דאָזיקע ״אַלטע״ פאַרלאַנגען, באַגעגענען מיר דעם ראש־השנה תשי״ח.
(י״ש, ת״א 22.9.57).

## פרייהייט — ניט נאָר פאר זיך, אויך פאר אנדערע

ויאמר משה אל העם זכור את היום הזה אשר יצאתם ממצרים מבית עבדים. (און משה האָט געזאָגט צו דעם פאָלק: געדענקט דעם דאָזיקן טאָג, וואָס איר זייט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאפט).

**שמות י״ג**

טויזנטער יאָרן האָט פאַרן יידישן פאָלק זיך געצויגן דער דאָזיקער מארש פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט. זיין אָנהייב – יענע ערשטע פסח־נאַכט אויפן נילוס, ווען מען האָט אין פריידיקער בהלה פאַרלאָזט די מצרישע שקלאַפעריי, וואָס האָט געדויערט 430 יאָר; דער סוף -מיט קארגע צען יאָר צוריק, ווען אויף דער אוראַלטער יידישער ערד איז, נאָך 2 טויזנט יאָר גלות, באַנייט געוואָרן דאָס אייגענע מלוכהשע לעבן. פון אַ פאַרקנעכטעט, אונטערדריקט, געטרודפט און געפלאָגט פאָלק, האָבן מיר זוכה געווען צו ווערן בני־חורין, צו דעראָבערן זעלבשטענדיקייט און פרייהייט.

מיר קאָנען זיין שטאָלץ, וואָס אונדזער איצטיק מלוכהש לעבן פאָרמירט זיך לויט די בעסטע טראַדיציעס פון דעמאָקראַטישע פרייהייטן, אומגעפעלשטן פאַרלאַמענטאַריזם און וואַכזאַמער עפנטלעכער מיינונג. אָבער געוויסע לאָזונגען און פלענער פון באַשטימטע גרופּירונגען און היכגעשטעלטע פערזענלעכקייטן, מוזן אַרויסריפן זאָרג און ציטער איבערן גורל פון אונדזער יונגער דעמאָקראַטיע און אירע פרייהייטן. פאַראַן, צום באַדויערן, פאַקטאָרן אין דער מדינה, וועלכע פאַרמעסטן זיך צו פאַרלעצן משה׳ס געבאָט ״צו געדענקען דעם טאָג, ווען מען האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון קנעכטשאַפט״ – און זענען שטאַרק נוטה צו פאַרשקלאַפן אַנדערש־דענקנדיקע בירגער, צי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

געפאַרן פון ווען.באַרויבן עמעצן פון דער פרייהייט, שוועבן אין אונדזער וועלטל – און מען דאַרף וועגן זיי אלאַרמירן און וואָרענען.

נעמט אונדזערע פרומע. ווי ביי יעדער חג, איז אויך איצט ביי זיי הויך־סעזאָן. זיי ווילן ווייטער אויפצווינגען די אויסגעשפּראָכן רעליגיעזע באַפאַרבונג אויף דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן יום־טוב פון פרילינג און פרייהייט. ס'איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז בלויז אין יומטוב־סעזאָנען זענען די דאָזיקע קרייזן אַגרעסיוו. אויך אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר ווייזן זיי אַרויס אויסערגעוויינלעכע אַקטיוויטעט און אָנגרייפערישקייט. זיי רעדן אָפן, אַז בלוט וועט זיך גיסן, אויב אונדזער הויפּטשטאָט וועט ענדלעך באַגליקט ווערן מיט אַ שווים־באַסיין; זיי דראָען מיט קללות, חרמות און פּויסטן די אַלע, וועלכע וואַגן זיך קעגנשטעלן זייער דיקטאַט; זיי זענען גרייט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק ארויסצורופן רעגירונגס־קריזיסן צוליב כשרות אויף די "אל־על"־עראָפּלאַנען, אָדער צוליבן פּרווו צו מאָבליזירן אַ רבס אַ זון אין צה"ל; זיי ווילן אונדז צוריקשלעפּן צום מיטלאַלטער, דורך פאַרקנעכטן דעם גייסט ביי די בירגער, וואָס זענען נישט נוטה אָפּצוהיטן די תרי"ג מצוות. מיט כוח און טראָר ווילן זיי אָנוואַרפן זייער לעבנס־שטייגער אויף דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג.

זיי זענען גרייט צו גיין אין פייער פאַר די געבאָטן פון משה רבינו, ביים גלייכצייטיקן באַרויבן אַנדערע פונעם פרייהייט פון געוויסן, פרייהייט פון גלויבן, פרייהייט פון קאָנען זיך אויסלעבן ווי אַזוי מען וויל — אין די ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע געזעצן.

*

אַ צווייטער ביישפּיל — די אַראַבישע מינדערהייט אין ישראל. עס בלייבט אַ פאַקט, אַז די קאַרגע 200 טויזנט אַראַבער אין דער יידישער מדינה זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ מצב פון בירגער פון אַ צווייטער מדרגה. מ'האָט ביי זיי צוגערויבט די פרייהייט פון אומגעשטערטן באַוועגן זיך איבער דער מדינה, אפילו ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט זוכן אַרבעט, באַקומען בילדונג און אַנדערע לעבנסוויכטיקע ענינים. מען האָט פאַר זיי צוגעמאַכט די טויערן פון דער הסתדרות; די אַראַבישע אינטעליגענץ און געבילדעטע יוגנט קאָן זיך נישט דערשלאָגן צו פּאָסטנס אין מלוכהשע, מוניציפּאַלע, צי עפנטלעכע אינסטיטוציעס. ביז איצט האָט מען נאָך פיל אַראַבישע פעלאַכן אין לאַנד נישט אומגעקערט זייער באָדן און אויך נישט אויסגעצאָלט אַנטשעדיקונג. מען האָט נאָך אַלץ נישט פּראָקלאַמירט, אַז דער דאָזיקער טייל בירגער אין אונדזער מדינה איז גלייכבאַרעכטיקט און פולווערטיק, ווי דער יידישער טייל פון דער באַפעלקערונג.

זיכער איז דאָס לעבן פון דער אַראַבישער מינדערהייט נישט כולו שוואַרץ. פאַראַן זייער אַ סך וויכטיקע און באַדייטנדיקע אויפטוען, ספּעציעל אויפן געביט פון געזונטהייט און בילדונג. גרויסע האָפענונגען לייגן אויך די מינדערהייטן אין לאַנד אויף דער איצט־באַשטימטער צווישן־מיניסטעריאַלער קאָמיסיע פון אַלע קאָאַליציע־פּראַקציעס, מיטן יוסטיץ־מיניסטער בראש, וועמענס אויפגאַבע ס'איז פונדאָסניי באַטראַכטן די פראַגע פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג אין געוויסע זיכערהייט־ראַיאָנען און גרענעץ־פּונקטן. ס'איז אָבער זייער באַדויערנסווערטיק, וואָס אינעם נייינטן חג החרות אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה, קאָנען מיר נישט מיט אַ פול מויל און מיט אַ געפיל פון שטאָלץ, זאָגן: אויך אונדזערע מינדערהייטן האָבן מיר פאַרוואַנדלט אין בני־חורין, אויך זיי, אלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, געניסן פון פולער פרייהייט.

*

אַן ערנסטער און שטורמישער פאַרזוך אונטערצוגראָבן דעם יסוד פון אונדזערע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, איז ערשט נישט לאַנג געמאַכט געוואָרן דורכן פרעמיער בכבודו ובעצמו, מיט זיין פאָרשלאַג איינצופירן אין לאַנד רעגיאָנעלע וואַלן, אַנשטאַט דעם פּינף־פּאַכיקן, דעמאָקראַטישן וואַל־סיסטעם. אמת, אונדזער רייפע, עפנטלעכע מיינונג האָט אין אויגנבליק זיך געכאַפּט אויף דער דאָזיקער געפאַר און אַנטשידן אָפּגעוואָרפן דעם מפא"ישן פּלפּול אין הלכות דעמאָקראַטיע. אָבער דערמיט איז די געפאַר נישט אַריבער. דער פאָרשלאַג־געבער גופא, טראָץ דעם דורכפאַל, האָט נישט בדעה צו קאַפּיטולירן. און דאָס וואָס שפּילט זיך אָפּ ביי וואַלן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אָדער אַרבעט־פּלעצער, איז אַ געטריע, הגם גראָבע אָפּשפּיגלונג פון פעלשן דעם ווילערס

ווילן. דער אופן פון אַדורכפירן די וואַלן אין די באַן־סעקציעס אין חיפה, האָט ווידער באַוויזן, ווי אַזוי אַ פּאַרטיי, וועלכע רופט זיך סאָציאַליסטישע, און לאָזט אַפילו פון צייט צו צייט פאַלן אַ וואָרט וועגן פאַרייניקונג, פאַרמעסט זיך אויף דעם אַרבעטערס פרייהייט פון געוויסן, אַבי זוכה זיין צו אַ מערהייט.

דער קאַמף פאַר רעגיאָנעלע אָדער מערהייט־וואַלן, האָט ווי געזאָגט, נאָך נישט אויפגעהערט. די פּרעדיקער פון דער דאָזיקער אַנטי־דעמאָקראַטישער איינשטעלונג האָבן זייער אָפט און מיט היפּשע דאָזעס, זיך ליב צו פאַרופן אויף די נביאים און אויף משה רבינו, מאַכנדיק זיך פאַרגעסן אין זיין געבאָט: צו געדענקען דעם טאָג, ווען מען איז ארויס פון מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט.

*

ס'איז עטוואָס שטיל געוואָרן אַרום די געשפּרעכן צווישן די פירער פון דער עקסטרעמער "חרות" און דער בורזשואַז־רעאַקציאָנערער פּאַרטיי פון די ציונים כלליים. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז די דאָזיקע צוויי באַוועגונגען זאָלן האָבן רעזיגנירט פון פאַרייניקונג. פאַרקערט: יש אומרים, אַז מען האָט זיך שוין דערעדט וועגן אַ געמיינזאַמער קאַנדידאַטן־ליסטע צו די כנסת־וואַלן. און אויב זיי זענען אַדורכגעקומען וועגן בענקלעך, איז שוין גאָר לייכט גובר צו זיין די מ'שטיינסגעזאָגטע אידעאָלאָגישע אונטערשיידן. נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין אַ שיינעם העלן טאָג וועלן בעגין און בערנשטיין אַרונטערגיין אונטער דער חופה, כדי פאַרפיקסירן אַ פּאָליטישן זיווג אין ישראל.

וואָס אַזאַ זיווג מיינט פאַר אונדזער מדינה, און ספּעציעל פאַר איר אַרבעטער־באַוועגונג, מיט די קיבוצים, הסתדרות און אַנדערע אינסטיטוציעס אירע און אויפטוען — איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן. ס'איז אויך נישט נויטיק אַדורכצופירן אַנאַלאָגיעס מיט אויסלאַנד, ווייל די דערפאַרונג מיט די דאָזיקע צוויי פּאַרטייען אין לאַנד גופא, האָבן געגעבן אַן אַנשוילעכע לעקציע צו וואָס זיי זענען מסוגל און צו וואָס זיי צילן. קלאָר, אַז דער איחוד פון "חרות" און די אַלגעמיינע ציוניסטן טראָגט מיט זיך, אין פּאָטענץ, אַ האַרבע און ממשותדיקע סכנה פאַר אונדזער פרייהייט און דעמאָקראַטיע. די זעלבע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אַזוי ליב צו צערטלען און פלירטעווען מיט די רעליגיעזע פּאַרטייען און לאָזן אויך נישט אַדורך קיין געלעגנהייט צו ציטירן פּסוקים פון תנ"ך; די זעלבע, וואָס וועלן ביי דער איצטיקער סדר־נאַכט נישט איינמאָל דערמאָנען די געשיכטע פון יציאת מצרים און פון דער דעראָבערטער פרייהייט — וועלן אין פאַל פון דערגיין צו אַ פאַראייניקטן און געשטאַרקטן כוח, זיך נישט אָפּהאַלטן אויף אַדורכצופירן אויפן סאַמע ברוטאַלסטן אופן אַן אַטענטאַט אויף אונדזער פרייהייט — אויב זיי וועט נאָר געגעבן ווערן דערצו די מינדעסטע געלעגנהייט.

דאַרף מען דעריבער די אַלע פאַרמעסטער קעגן אונדזערע פרייהייטן, דערמאָנען אין פּסח תשי"ח:

פרייהייט — נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַנדערע...

(י"ש, ת"א 3.4.58)

## ערשטער מאַי 1958

אויף פיל היינטער אָן עפנטלעכע געביידעס אין לאַנד, לייכטן זיך נאָך אין די אָוונטן קאָלירטע לאָמפּן און בלוי־ווייסע באַפּוצונגען, וועלכע דערציילן וועגן די אָקערשט־אַדורכגעפירטע פייערונגען לכבוד דעם צענטן יום־העצמאות. אויף די גאַסן זעט מען נאָך טויזנטער טוריסטן פון אַלע עקן וועלט, מיט זייערע אומצאָליקע לשונות און איינציק יידישן האַרץ, וואָס זענען געקומען זיך פרייען מיט זייער־אונדזער שמחה. עס פילט זיך נאָך אין שטאָט און אין דאָרף די אַטמאָספער פון יומטובדיקייט און דערהויבנקייט פון צען יאָר מדינה — און שוין טרעטן מיר אַריין אין דער ספערע פון אַ צווייטן יומטוב, דעם ערשטן מאַי. די נאָר־וואָס אויפגעצויגענע רויטע פענער וועלן אין

זייער געפלאַטער זיך איבערופן מיט די בלוי־ווייסע פענער און אַזוי אַרום באשטעטיקן די געמיינזאַמקייט און פאַרבינדונג צווישן די צוויי סימבאָלן: אַז מיטן כוח פון אַרבעט און מיטן רצון פון יידישן אַרבעט־מענטש, האָבן מיר זוכה געווען צו פייערן דעם מאַי־יומטוב אויף אייגענער, באַפרייטער ערד.

היי־יאָר האָט די הסתדרות באַשלאָסן איבערצורייסן מיט דער נישט־געזונטער, אָפטמאָל זיך איבערחזרנדיקער געוווינהייט פון מוותר זיין אויף גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. בלויז אין תל־אביב וועלן קאַרגע הונדערט טויזנט אַרבעטער מאַרשירן אונטער אַן איינהייטלעכער פאָן פון ציוניזם און סאָציאַליזם. דאַרפן גאָר וואַרעם באַגריסט ווערן די איינהייטלעכע ארבעטער־אויפטריטן. פונדעסטוועגן קאָנען מיר אויך אין דעם דאָזיקן טאָג נישט באַפרייען זיך פון דער זאָרג און ציטער איבער די נעגאַטיווע דערשיינונגען פון צעשפליטערן די אַרבעטער־כוחות, פון זייען אומצוטרוי און פון אויסגעוואַקסענע אַפעטיטן צו הערשן און באַהערשן אומעטום, באַזונדערס אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע ווי ס'איז די הסתדרות. לײדער, וועט די תל־אביבער איינהייטלעכע מאַי־דעמאָנסטראַציע נישט אָפּשפּיגלען טענדענצן פון אחדות און איינשטימיקייט אין דער רעגירונג, וואָס די דריי חלוצישע אַרבעטער־פּאַרטייען בילדן איר חוט־השידרה. עס האָט דעריבער אַ זין אונדזער פאָדערונג, אַז נישט נאָר אין טאָג פון ערשטן מאַי זאָל מען שפּאַנען צוזאַמען, נאָר אַלע 365 טעג אין יאָר דאַרף אָנגעהאַלטן ווערן אַ פריינטלעכע, חברישע און לאָיאַלע שותפות צווישן די דריי אַרבעטער־כוחות — אַ שותפות, וואָס דאַרף ווערן פאַרטיפט און אויסגעברייטערט, כדי זיכערן דער מדינה אַ חלוצישן רעזשים, דעם אַרבעט־מענטש — אַ געפיל פון אַ צערטלעך היימלאַנד, דעם עולה — אַ פּראָדוקטיווע קליטה, דעם האָרעפּאַשניק — אַ יושרדיקע פאַרטיילונג פונעם עול, דעם דיסקרימינירטן און באַעוולהטן פון דער יידישער מערהייט צי פון דער אַראַבישער מינדערהייט — גלייכע רעכט, אַ העכערן לעבנס־ניוואָ און אויפריכטיקע זאָרג פאַר זיינע אינטערעסן.

ווידעראַמאָל און נאכאמאל וועלן מיר דעם טאָג אַרויפברענגען אויף אונדזערע ליפּן דעם אויפריכטיקן באַגער צו שלום מיט די שכנים. נישט נאָר די פעאָדאַלע און "רעפּובליקאַנישע" דיקטאַטאָרן פון די אַרומיקע לענדער ווילן נישט זיצן מיט אונדז ביי איין טיש, נאָר די דאָרט שוואַכע אַרבעטער־באַוועגונג, ווען אפילו זי איז טריי דער אידעע פון ערשטן מאַי, ווייזן אַרויס פרעמדקייט און פאַרלייקענונג צו אונדזער מדינה, איר מוסטערהאַפט אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט און קאָלאָסאַלע אויפטוען. צום באַדויערן, נישט נאָר זיי, נאָר אויך רעגירונגען און גאָר אויטאָריטעטע מנהיגים פון סאָציאַליסטישע מדינות, ווייזן אַרויס איגנאָראַנץ און זלזול כלפּי דעם יידישן, נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־ווערק, דעם ציוניזם, און זיין אַרבעטער־פליגל — דעם חלוציזם.

אָט וועט גראָד אין די טעג באַזוכן דעם ראַטנפאַרבאַנד דער אַליינהערשער פון דער פאַראייניקטער, מצריש־סירישער רעפּובליק, אבדול נאַצער. ווי אַ חשובער גאַסט, וועט ער זיך געפונען אויף דער טריבונע, וואָס אויפן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע, בעתן ערשטמאַיקן פּאַראַד, ווען אין זיין לאַנד הענגט איבערן ערשטן מאַי דאָס געשפּענסט פון פאַרבאָט און חרם און די אָרטיקע אַרבעטער־טוער שמאַכטן אין די תפיסות. אויך ווייסן מיר, אַז ביי די איצטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען, מיינט אַזאַ נסיעה אַ ווייטערדיקע דערנענטערונג צווישן מאָסקווע און דעם אַמביציעזן, שאָוויניסטישן דיקטאַטאָר, וועלכער באַהאַלט נישט אויס זיינע פיינטלעכע פּלענער כלפּי ישראל. גראָד פון שטאַנדפּונקט פון אַרבעטער־אינטערעסן און פון דער ערשטער־מאַי־אידעע, איז נישט נאַצער די פּאַסיקע פּערזאָן צו באַטייליקן זיך אינעם טראַדיציאָנעלן מאַי־פּאַראַד אין דער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט.

צו אונדזער גליק, נישט די נאַצערס באַשטימען דעם גורל פון דער וועלט. אין די טעג פילן מיר דעם אָנזאָג פון דער זיך דערנענטערנדיקער שפּיצן־קאָנפערענץ צווישן די גרויסמאַכטן, הגם דאָ

און דאָרט הערן זיך נאָר שאַרפע גרילצן און קעגנזייטיקע טענות מיט באַשולדיקונגען. מיר זענען אָבער טיף איבערצייגט, אַז נישט ווייט איז דער טאָג, ווען די "פיר גרויסע" וועלן זיצן ביי איין טיש און פרובירן אַדורכקומען אויף אַ פרידלעכן אופן. דערפאַר איז נישט פון קליינער באַדייטונג דער באַשיידענער, אָבער וואָגיקער צושטייער פון אונדזער רעגירונג, וועלכע האָט די טעג געענטפערט אויף דער נאָטע פון סאָוויעטישן פרעמיער נ. כרושטשאָוו. אין דער תשובה צו מאָסקווע ווערט אונטערגעשטראָכן די פולשטענדיקע אידענטיפיצירונג פון ירושלים מיטן סאָוויעטישן בריוו, "אַז גרויסע געפאַרן דראָען דער מענטשהייט פונעם באַוואָפענונג־געיעג בכלל און פונעם אַטאָם־געווער בפרט" (הגם, צום באַדויערן, אונדזער רעגירונג גיט נישט קיין דירעקטן ענטפער בנוגע דעם אַבסאָלוטן פאַרבאָט צו באַנוצן זיך מיט די אַטאָם־עקספערימענטן). די ישראלדיקע נאָטע לייגט אָבער אויך פאָר צו פאַרניכטן דעם גאַנצן, ביזאיצטיקן זאַפּאַס פונעם געפאַרפולן און צעשטערנדיקן געווער, דערמאָנענדיק ביי דער געלעגנהייט דעם יידישן קרבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און די איצטיקע אָנשטרענגונגען פון דער מדינה איינצוזאַמלען גלותן און איר פרידלעכער בוי.

איינס האָבן מיר געלערנט אין די לעצטע יאָרן: אַז שלום, סטאַביליזאַציע און באַרואיקונג אין ראַיאָן, זענען ענג פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער פרידלעכער אָדער קריגערישער אַטמאָספער אין דער וועלט. וואָס מערער די גרויסמאַכטן פאַלן אַריין אינעם היסטערישן קרייז פון קאַלטער מלחמה, אַלץ "וואַרעמער" ווערט אין אונדזער ראַיאָן. וואָס אינטענסיווער דער קאַמף פאַר השפעה אויפן אַראַבישן מזרח, אַלץ ברוגזער און בייזער די אַנטי־ישראלדיקע אויסברוכן. דערפאַר אונדזער בלוטיקער אינטערעס אינעם שנעלן צונויפריידן זיך פון די וועלט־מאַכטן, דערפאַר די נויטווענדיקייט פאָזיטיוו אויפצונעמען יעטוועדע שלום־איניציאַטיוו, פון וועלכע זייט זי זאָל נישט קומען.

דער ערשטער מאַי 1958 אין מדינת ישראל מיינט דער אָנהייב פון צווייטן צעניאָר. דער דאָזיקער נייער עטאַפּ וואָס פאַר אונדז, האָט אַ ברירה מיט מערער שווונג, מיט מערער קראַפט און פאַרגרעסערטן דערפאָלג רעאַליזירט צו ווערן – אויב מיר וועלן אָפּהיטן די חלוצישע ווערטן; אויב מיר וועלן טריי בלייבן דער אידעע פון ערשטן מאַי; אויב די רויטע פאָנען וועלן אומבאַפלעקטע און נישט־איינגעוויקלטע זיצן פעסט אין אונדזערע הענט.

(י"ש, ת"א, 1.5.58)

## דער צאָרן פון דער "פּריוואַטער איניציאַטיוו"

צי קענסטו דאָס לאַנד?

די דאָזיקע פראַגע האָט נישט נאָר אַ געאָגראַפישן זין. ביי אונדזערע באַדינגונגען מיינט זי אויך צו זאָגן: צי קענסטו דאָ די מענטשן, זייערע פאַרטייען, זייער מענטאַליטעט?

נעמט, צום ביישפּיל, תמנע. געאָגראַפיש־געשיכטלעך איז גאָר פשוט צו דערציילן, אַז דאָס מיינט די אוראַלטע, היסטאָרישע קופּער־מינעס פון שלמה המלך, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין תנ"ך. היינט געפינט זיך דער דאָזיקער ישראלדיקער נאַטור־אוצר 30 קילאָמעטער פון אילת. אויך ווירטשאַפטלעך האָט זיך תמנע איר חשיבות און וואָג. דאָ האָט די רעגירונג אינוועסטירט פון אַנטוויקלונג־בודזשעט ביז 20 מיליאָן ל"י, כדי מיט דער הילף פון קאָסטבאַרע אינוועסטיציעס, מאָדערנע מאַשינען און פולשטענדיקער מעכאַניזאַציע – אַרויסבאַקומען פון דער נגב־ערד איינעם פון די טייערסטע אַרצן – קופּער.

איז דאָס אַלץ שיין און פיין. לויט אָפּטימיסטישע חשבונות, האָט סוף היי־יאָר באַדאַרפט די אונטערנעמונג אָנהייבן אַרבעטן, ווי מען זאָגט, מיטן פולן דאַמף – און ישראל וואָלט עקספּאָרטירט פאַרן דרויסנדיקן מאַרק און באַפרידיקט דעם אייגענעם, אינערלעכן געברויך. אָבער אינמיטן איז געשען אַן אָפּהאַלט. אַזעלכע זאַכן קומען פאָר אויף דער גאַנצער וועלט, אין אונטערנעמונגען מיט קאָמפּליצירטע און מאָדערנע מעכאַניזמען. ביים לאָזן אין גאַנג די מאַשינען,

אין תמנע, כדי זיי "איינצואַרבעטן", האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זענען פֿאַראַן ערנסטע דעפֿעקטן, וועלכע מען דאַרף באַזייטיקן – און דאָס וועט נעמען אַ ביסל צייט.

אמת, אַז דאָס איז נאָרמאַל, פּשוט און פֿאַרשטענדלעך?

אויב ענטפֿערן דערויף מיט אַ יאָ, איז אַ סימן, אַז קענסט נאָך נישט דאָס לאַנד. ווייל אינמיטן דעם אַלעמען האָט מיט אַ בייזן געוויטער זיך אַריינגעריסן די "פּריוואַטע איניציאַטיוו". די בלינדע שנאה צו מלוכהשע אונטערנעמונגען, האָט אויפֿן פֿאַקט פֿון צייטווייליקן אָפּשטעלן די תמנע־אונטערנעמונג, זיך אַ וואַרף געטאָן ווי אויף אַ ווילדער מציאה און אָנגעהויבן שימפֿן און העצן קעגן אונדזער קופּער, קעגן מלוכהשער איניציאַטיוו און קעגן דעם אַנטוויקלונגס־מיניסטעריום אין וועמענס שפּיץ עס שטייט מ. בנטוב. גוט־באַצאָלטע אַנאָנסן אין אַ ריי צייטונגען, אייגענע איניציאַטיוו פֿון דער בירגערלעכער און רעכטער פּרעסע און דער פֿאַרטייאישער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט פֿון די "אומפּאַרטייאישע" ציונים כלליים זענען אַרויס אין אַ גענעראַל־אָנגריף, נאָך איידער זיי האָבן געהאַט די פֿולע אינפֿאָרמאַציע, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. און זיי האָבן אויך נישט אויפֿגעהערט זייער וואַקכאַנאַליע, נאָכדעם ווי באַרופֿענע פּערזאָנען און אינסטאַנצן האָבן אַלזייטיק אויפֿגעקלערט דעם ענין.

וואָס איז טאַקע פֿאָרגעקומען?

אַ גרויסע אַמעריקאַנער פֿירמע "אַליוועור דור" און אירס אַ פֿיליע אין דייטשלאַנד האָבן זיך פֿאַרפֿליכטעט צוצושטעלן קיין תמנע די נויטיקע מאַשינען און איינריכטונגען, זיי מאָנטירן און לאָזן אין באַוועגונג – ביז פֿולשטענדיקער פּראָדוקציע־פֿעיקייט. אינעם אָפּמאַך פֿון דער אויבנדערמאָנטער פֿירמע מיטן אַנטוויקלונג־מיניסטעריום, איז בפֿירוש געווען פֿאַרשריבן אַ פּונקט, אַז די פֿירמע טראָגט די פֿולע אחריות פֿאַרן דערפֿירן די אונטערנעמונג צו אומגעשטערטער פּראָדוקציע. און נאָכדעם ווי אירע אינזשעניערן און טעכניקער האָבן פֿעסטגעשטעלט די פֿאַראַנענע דעפֿעקטן, פֿאַר וועלכע זיי טראָגן די אחריות, האָבן זיי אָן דינגעניש מסכים געווען אַלץ צו פֿאַריכטן.

אויף אַזויפֿיל – אַן אויסלענדישע פֿירמע. אַנדערש אָבער – אונדזער באַרימטע "פֿירמע" פֿון די ציונים כלליים. זיי, זעט איר, זענען אומפֿאַרבעסערלעך. זיי שרייבן, אַז תמנע איז אַ דעפֿיציטן־פֿעסטונג ווי די ים־המלח־אונטערנעמונגען, און אַז אויך דאָס קופּער־ווערק איז געשאַפֿן געוואָרן אָן אַ פּלאַן און אָן אַ רעכענונג. און די דאָזיקע בעלי־חשבון רעכענען גענוי אויס וויפֿיל עולים־משפּחות מען וואָלט געקענט באַזעצן אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און וויפֿיל טאָן פֿלייש מען וואָלט געקאָנט טיילן אומזיסט אין משך פֿון 18 חדשים.

מיטאַמאָל האָבן די ריטער פֿון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, די הייסע פּאַרטיידיקער פֿון פֿאַבריקאַנט, הורט־סוחר און באַנקירער, די וואָס נעמען אונטער זייער שוץ דעם שפּעקולאַנט, פּרייזן־אויפֿשרויפֿער און וואַלוטע־הענדלער, אָנגעהויבן ריידן וועגן אומזיסטיקן פֿאַרטיילן פֿלייש דורך דער רעגירונג, אָדער זיך גענומען זאָרגן וועגן באַזעצן נייע עולים אויף ערד. און צו וואָס טאַקע נויטיקן זיי זיך אין אַזעלכע אונטערנעמונגען פֿון קופּער? ווער מיר מלוכהשע פּלאַנירונג, אָרגאַניזאַציע, שווונג און וויזיע פֿאַר דער צוקונפֿט? וואָס עפּעס אַנטוויקלען אין ישראל אַ פּיאָנערישע גרובן־אינדוסטריע פֿון מעטאַל־קופּער? פֿאַר וואָס וועלן אויסנוצן היימישע נאַטור־אוצרות?

ווי איר קוקט זיי אָן, הייסט ביי זיי מלוכהשע אַקטיוויטעט אויפֿן געביט פֿון האַנדל, אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפֿט, אויב די רעגירונג וועט געבן געלט דעם פּריוואַטן אונטערנעמער, ער זאָל זיך אויפֿשטעלן אַ פּראָספּערירנדיקע פֿאַבריק אין די באַוווינטע ראַיאָנען פֿון לאַנד; אויב דאָס מיניסטעריום פֿאַר האַנדל און אינדוסטריע וועט העלפֿן דעם קאַפּיטאַליסט אויפֿשטעלן נאָך אַן "אכדיה"־האָטעל, אַ באַנק, אָדער פֿון די אַנטוויקלונג־געלטער אויפֿבויען האַנדלס־פּאַסאַזשן און "כל־בו"־געשעפֿטן אין תל־אביב, חיפה און ירושלים. פֿאַר וואָס טאַקע זאָל די רעגירונג וועלן קריכן אַזוי טיף אין נגב (30 קילאָמעטער פֿון אילת) און אויך טיף אין דער ערד, אויף

אַרויסצובאַקומען קופּער? לאָזט זיי, די העלדן פון די האַנדלס־הייזער און קאַרטעלן אויף אַלנבי צי פון די קאָנפעקציע־געשעפטן אויפן הכרמל. זיי ווייסן בעסער, וואָס עס הייסט מלוכהשע איניציאַטיוו, פּלאַנירונג און אַקטיוויטעט. זיי האָבן גראָד אין אונדזער לאַנד קענען־געלערנט די חכמה פון נעמען ביי דער רעגירונג, און וואָס ווינציקער איר געבן – אפילו די קליינע שטייערן, וואָס זיי דאַרפן צאָלן. אָבער דאָס שטערט זיי נישט אָנצוגיין מיט פאַלשן מוסר־זאָגן און מאָראַל־פּרעדיקן.

(י״ש, ת״א 29.5.58)

# ביי וועמען איינמאָנען די חובות און שטייערן?

אויף אַ זיצונג פון דער צווישן־מיניסטעריאַלער קאָמיסיע צו דערמוטיקן עקספּאָרט, האָט דער פאָרשטייער פון פינאַנס־מיניסטעריום געפאָדערט אַן אויספאָרשונג איבער די סיבות פון נישט איינקאַסירן 40 מיליאָן ל״י פון אַ ריי פאַבריקאַנטן און עקספּאָרטערן.

עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס אַנדערטהאַלבן טויזנט פאַרפליכטונגען זענען בשעתו אונטערגעשריבן געוואָרן דורך אַ ריי פּראָדוצענטן, וועלכע האָבן אַריינגעבערענגט רוישטאָפן פון אויסלאַנד אויפן סאַמע נידעריקסטן קורס פון דאָלאַר, מיטן באַדינג, אַז דער פאַרטיקער פּראָדוקט וועט גיין אויסשליסלעך אויף עקספּאָרט. ווייזט אויס, אַז אפילו דאָס מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע, וואָס באַציט זיך צו די גרויסע סוחרים און פאַבריקאַנטן ווי צו געצערטלטע קינדער, האָט נישט געהאַט צו זיי קיין איבעריקן צוטרוי און פאַרלאַנגט פאַרפליכטונגען, דאָס אין פאַל זיי וועלן דעם רוישטאָף נישט פאַרנוצן אין פּראָדוקטן אויף עקספּאָרט, וועלן זיי פאַר דער אימפּאָרטירטער סחורה רוישטאָף באַצאָלן לויטן אָנגענומענעם קורס – 1,800 ל״י פאַר אַ דאָלאַר. אַ סברה, אַז די פּראָדוצענטן האָבן זיך נישט געאיילט מיט שיקן זייערע סחורות מעבר לים, ווייל עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין זין פון די געחתמעטע התחייבותן, דאַרפן זיי אַריינטראָגן ביי אַ פיר צענדליק מיליאָן דאָלאַר.

ביז איצט אָבער האָט די מלוכה־קאַסע זוכה געווען צו זען נישט מער ווי 80 טויזנט ל״י פון דער פריער דערמאָנטער ריזיקער סומע. און געשען איז עס דערפאַר, ווייל דאָס האַנדלס־מיניסטעריום גופא פלעגט אַלעמאָל געבן פּראָלאָנגאַטעס די פּראָדוצענטן. די לעצטע האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעוווינט פון... צאָלן – ביז ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט דער דערמאָנטער חוב.

דער דאָזיקער פאַל פון נישט־דערפילטע פליכטן לגבי דער רעגירונגס־קאַסע איז,ליידער, ביי אונדז נישט קיין פאַריינצלטער, נאָר פאַרקערט: ער באַווייזט וועגן אַ גאַנצער שיטה, אַ סיסטעם, פון צוטרוי, קרעדיט און גלויבן אונדזערע היימישע לוויתנ׳ס, די גרויסע פאַבריקאַנטן, הורט־סוחרים, עקספּאָרטערן און אימפּאָרטערן, וואָס באַרייכערן זיך דווקא פון מלוכהשע ליפערונגען און באַשטעלונגען, אָבער דרייען זיך אַלץ אַרויס פון דערפילן זייערע עלעמענטאַרע פליכטן אויפן געביט פון שטייערן און צאָל. באַקומט זיך אַזוי, אַז די, וועמענס טייסטערס זענען בכבודיק אָנגעשטאָפּט, טוען אַלץ אויף אַרומצוגיין דאָס שטייערן־געזעץ – און די מיניסטעריומס און אַמטן, וועלכע דאַרפן שטיין אויף דער וואַך פון געזעצגעבערישקייט און שטרענגער אינקאַסע, דערלויבן זיי מיסצוברויכן און נאַרן דעם מלוכה־אוצר. בלויז דאָס מיניסטעריום פון לוי אשכול ווייסט די גענויע סומע וויפל די ״עצמאים״ (זעלבשטענדיקע) זענען שולדיק פאַר שטייערן, און ספּעציעל די גוט־סיטואירטע. מען שאַצט דעם דאָזיקן חוב אויף הונדערטער מיליאָנען ל״י, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט דערפאַר, ווייל אונדזערע גבירים און אַדירים מעגן צאָלן די שטייערן נאָך אַ יאָר, צוויי, דריי, פיר – און מערער. נישקשה, דאָס פינאַנס־מיניסטעריום קאָן וואַרטן, די דאָזיקע קאַטעגאָריע צאָלערס – אוודאי און אוודאי. בלויז עמך, דער לוין־אַרבעטער, דער פועל־דחק, דער באַאַמטער און די אַלע וועלכע לעבן פון זייער שכירות – זיי מוזן שוין צאָלן. נאָך איידער אַזאַ האָרעפּאַשניק דערזעט זיין געהאַלט, נעמט מען איס אַראָפּ (אָן סענטימענטן!) גאַנץ באַדייטנדיקע סומען פאַר פאַרשידענע שטייערן, וואָס דערגייען אָפּטמאָל ביז 30 – 40 פּראָצענט פון לוין.

און אויב די חובות פון די ״זעלבשטענדיקע״ גרייכן אַזעלכע פאַנטאַסטישע סומען סיי פאַר שטייערן, סיי פאַר פאַרשידענע התחייבותן, איז אָנצונעמען, אַז עמך צאָלט נישט נאָר פאַר דער לעגאַליזירטער פאַרשפּעטיקונג פון די דאָזיקע רייכע און זאַטע, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די דאָזיקע לייט באַמיען זיך בכלל נישט צו צאָלן. פאַרלאָזט זיך אויף זיי: וואָס מערער זיי האָבן, אַלץ ווייניקער צאָלן זיי דער מדינה. אויף דעם איז פאַראַן דער אַרבעטער, דער ״חמור״, פון אים מעג מען שינדן אַ פּאַסעק!...

די געשיכטע מיט די 40 מיליאָן ל״י שטעלט ווידער אַמאָל אַוועק מיט דער גאַנצער שאַרפקייט דאָס פּראָבלעם פון אונדזער אימפּאָרט און עקספּאָרט:

זיי טאָרן נישט איינשטיין אין די הענט פון פּריווילעגירטע און קאָנצעסיאָנירטע יחידים, נאָר מוז איבערגיין אין רשות פון דער רעגירונג.

גלייכצייטיק איז נייטיק אַן ענערגישע אינקאַסע פון די פאַרלעגענע שטייערן און ביי די וועלכע דרייען זיך באַוווסטזיניק אַרויס פון דערפילן זייער עלעמענטאַרן, נאַציאָנאַלן פליכט, ווי אויך ריכטיק אָפּשאַצן זייערע הכנסות.

אַן אַלט פּויליש שפּריכוואָרט זאָגט: ״עס צאָלט נישט דער רייכער, נאָר דער בעל חוב״. ביי אונדז, לײדער, האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז דער רייכער צאָלט באמת נישט — און אלס בעל־חוב, כלפּי שטייערן, ווערט באַטראַכט נאָר דער נישט־רייכער.

(י״ש, ת״א 5.6.58).

# די ציונים־כלליים זוכן א נייעם שידוך

א דיבוק פון איינהייט און פאַרייניקונגען האָט לעצטנס באַהערשט די אַלגעמיינע ציוניסטן. נאָר וואָס האָבן זיי פאַרענדיקט די געשפּרעכן מיט ״חירות״ וועגן צוניפשמעלצןביידע פּאַרטייען, קוים זיך געהאַט צוזאַמענגערעדט וועגן דער אידעאָלאָגיע פון די רעאַקציאָנערע כוחות אין ישראל און מען האָט געמיינט, אַז אָט־אָט ווער דער שידוך צושטאַנדקומען — האָט אָבער די פּראַגע פון ״נדן״ (לייען: בענקלעך!) צונישט געמאַכט די ליבע פון ביידע צדדים — און סיי פּרץ בערנשטיין און סיי מנחם בעגין פּראָוועון ווייטער שבת פאַר זיך...

אַ סברה, אַז די אַלגעמיינע ציוניסטן ווילן נישט פאַרזיצן ביזן גראָען צאָפּ. דערפאַר לאָזן זיי זיך ריידן אַלץ נייע און נייע שידוכים, דערפאַר וואַרפן זיי אייגלעך אויף רעכטס און אויף לינקס — מיט פאָרשלאָגן און ווענדונגען אויף פאַרשידענע אַדרעסן וועגן אַרונטערגיין אונטער דער חופּה.

אויף רעכטס — האָט איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון די ציונים־כלליים אָנגעהויבן, כלומרשט אויף ״אייגענער האַנט״, ווייטער אונטערצוהאַנדלען מיטן ״חירות״ וועגן אַ געמיינזאַמער וואַל־ליסטע צו דער כנסת, אָדער וועגן איינטיילן זיך מיט געוויסע ראַיאָנען, ווו ביידע פאַרטייען זאָלן זיך קעגנזייטיק שטיצן, אויב איינע פון זיי דערשיינט נישט זעלבשטענדיק אין געגעבענעם ראַיאָן. אויך האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן אָנגעהויבן ״טאַפּן דעם דופק״ ביי די פּראָגרעסיווע, צי וועט אַמאָל זיך נישט לאָזן צוניפשטיקעווען אַ ביליק שידוכל דורך דערפירן צו אַ פאַרייניקונג פון ביידע פאַרטייען, אָדער אין ערגסטן פאַל — צו אַ בשותפותדיקער וואַל־רשימה צו דער פערטער כנסת.

ווייזט אויס, אַז די אַלגעמיין־ציוניסטישע כלה איז גאָרנישט אַזוי זיכער מיט אירע חן־גריבעלעך, עלטער און שיינקייט, אפילו אין יענע קרייזן, ווו זי קאָן פּיל־ווייניק האָפן אויף דערפאָלג. דער וואָס קאָן די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד, האָט אַ גרונט צו פרעגן: הלמאי זענען טאַקע די ציונים־כלליים נישט פאַרייניקט מיט ״חירות״, אָדער פאַרוואָס האָבן די פּראָגרעסיווע געבילדעט אַן אייגענע פּאַרטיי, אנשטאָט צו ווינען אונטער איין דאַך מיט דער פאַרטיי פון דער ״פּריוואַטער איניציאַטיוו״? און פילנדיק טאַקע די אומזיכערקייט אין די ״אייגענע ספּערן״, ווו מען קאָן איר בעסער און געגויער, איז מיטאַמאָל געקומען אַ ווענדונג — אויף לינקס.

נישט קיין אַנדערער ווי פּרץ בערנשטיין, דער אָנערקענטער מנהיג פון די ציונים־כלליים, איז דעם לעצטן פרייטיק אַרויס מיט אַ לענגערן אַרטיקל אין "הבוקר", ווו ער ווייזט אויף, אַז משה דיין האָט זיינע אַפּיקורסישע איינשטעלונגען געשעפּט פונעם קוואַל לאָזונגען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. און נאָכן לאָזן פאַלן עטלעכע וואַרעמע קאָמפּלימענטן אויפן אַדרעס פון ד. בן־גוריון (וואָס טוט מען דען נישט, ווען מען שטייט אין שידוכים?!), פאַרענדיקט דער מחבר זיין אַרטיקל מיט דער פראַגע:

"פאַר וואָס שליסן זיך נישטביידע אָן אין דער פּאַרטיי פון די ציונים־כלליים"?

דעם אמת געזאָגט, איז נישט פּרץ בערנשטיין דער ערשטער, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע פראַגע. פאַר די לעצטע צען יאָר זענען מיר געווען עדות פון אַזעלכע אַנטוויקלונגען אין מפא"י, און ספּעציעל ביי איר מנהיג, אַז נישט איינער האָט געוואָלט זוכן וועזנטלעכע אונטערשיידן צווישן דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי — מפא"י — און דער צענטריסטישער, כלומרשט כלל־ישראלדיקער פּאַרטיי פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. מיר געדענקען נאָך די פריערדיקע קאָאַליציעס צווישן די צוויי פּאַרטייען און די טיפע טאָלעראַנץ, פאַרשטענדעניש און נאָכגיביקייט, וועלכע בן־גוריון האָט דעמאָנסטרירט כלפּי זיינע בורזשואַזע שותפים. זעלטן ווען האָט ער געלאָזט פאַלן אַ קריטיש וואָרט אויף די ריטער פון דער "פּרייער איניציאַטיוו" — ווען אין דער זעלבער צייט האָט ער נישט דורכגעלאָזט און לאָזט נישט דורך קיין שום געלעגנהייט צו דערלאַנגען שפּילקעס און פאַרלוימדונגען אויף די אַרבעטער־שותפים פון דער קאָאַליציע.

פאַראַן ביי יידן אַ ווערטל, אַז "אין אַ וואָסער בית־המדרש מען קומט, אַזאַ קדושה זאָגט מען". מיטן פאַרבעטן דוד בן־גוריון און משה דיין זיך אָנצושליסן אין זיין פּאַרטיי, האָט פּרץ בערנשטיין בלויז געזאָגט די קדושה, לויטן איצטיקן דאַוונען אין מפא"ישן בית־המדרש. און קלאָר, אַז די תפילות דאָרט זענען זייער באַומרויקנדיקע, באַדויערנסווערטיקע און שעדלעכע נישט נאָר פאַר די אינטערעסן פונעם אַרבעטער, נאָר אויך פאַר די אינטערעסן פון דער מדינה. אין מפא"י קומט איצט פאָר אַן אַלגעמיינע אַנטלאַסטונג פון יענע חלוצישע, פּראָלעטאַרישע און נאַציאָנאַל־אידעישע ווערטן, וועלכע האָבן געבאַנט אַ וועג פאַר דער אַנטשטייונג פון דער מדינה און איר פאַרפעסטיקונג. נאָכן צעברעכן די הסתדרותישע לוחות דורכן גענעראַל־סעקרעטאַר, פּ. לבון, וועלכער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די איינשטעלונגען פון די ציונים כלליים, זענען געקומען די אַרויסטריטן פון מ. דיין וועלכער האָט געפאָדערט רעוויזיע אויפן אידעאָלאָגישן פראָנט — און ווידער אין גייסט פון די בערנשטיינס און סערלינס. מעגן די אַלגעמיינע ציוניסטן זיין אידעיש צערודערט און אַרגאַניזאַציאָנעל אָפּגעשוואַכט, מעגן זיי נאָך נישט האָבן געקומען צו זיך נאָך דעו מפּלה ביי די לעצטע כנסת־וואַלן, מעגן זיי אין אַלט־בתולהשער פאַרצווייפלונג זוכן אַ זיווג מיט וועמען עס וועט זיך לאָזן — האָבן די אַרויסטרעטונגען פון אַ ריי מפא"ישע מנהיגים געגעבן אַן איינשפּריצונג דער דעזאָריענטירטער און צערודערטער פּאַרטיי, אַריינגעגאָסן אַ ביסל פריש בלוט אין די פאַרקאַלעכטע אָדערן פון אונדזערע "אַלגעמיינע" ציוניסטן.

און הגם די ווענדונג צו בן־גוריון און דיין איז געקומען פון פּרץ בערנשטיין, דאַרף מען אָבער פעסטשטעלן, אַז דעם באַרעכטיקטן יסוד פאַר אַזאַ ווענדונג האָבן געגעבן די צוויי אויבנדערמאָנטע מנהיגים פון מפא"י, וואָס נישט איינמאָל איז שווער אונטערצושיידן אין וועמענס נאָמען זיי רעדן: צי אין נאָמען פון די תמימותדיקע אַרבעטער, פאָלקס־מענטשן, עולים, וועלכע האָבן זיי געשאַנקען צוטרוי ווי אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, אָדער אין נאָמען פון יענע גרויסע סוחרים, פאַבריקאַנטן און עקספּאָרטערן, וועמענס פּאָליטישער אַדרעס זענען גאָר די אַלגעמיינע ציוניסטן.

ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין — די איינלאַדונג פון פּרץ בערנשטיין צו דוד בן־גוריון און משה דיין וועגן "אָנשליסן זיך" — זאָגט עדות אויף דעם פּאָליטישן קלימאַט, וואָס הערשט איצט אין לאַנד.

(י"ש, ת"א 19.6.58).

# דערמוטיקן אונדזער יוגנט

"פאַרוואָס גייט נישט די היגע יוגנט אין קיבוץ?" – האָט אויפן יידישן שטייגער געענטפערט מיר מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע אַ יוגנטלעכער טוריסט פון קאַנאַדע, קעגן וועמען כ׳האָב אַרויסגערוקט אַ ריי טענות פון נאַציאָנאַלן, ישראלדיקן און ציוניסטישן כאַראַקטער. אַזוי ווי זיין פּאַרטיידיקונג־פּאָזיציע איז געווען זייער אַ שוואַכע, איז ער גאָר אַריבער אין אָנגריף מיט דער אויבנדערמאָנטער פראַגע. כ׳מוז מודה זיין: מיט אַזאַ מין שאלה האָט דער יונגער אויסלענדער באַשטעטיקט דעם כלל, אז "אַ גאַסט אויף אַ וויילע – זעט אויף אַ מייל". דער יידישער יוגנטלעכער פון יענער זייט אָקעאַן, מיט גאָר הויכער בילדונג און נידעריקן, נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, האָט אין קאָנטאַקט מיט אונדזער ווירקלעכקייט און אין געשפּרעכן מיט פיל יוגנטלעכע אין לאַנד, אַרויסגעפילט "דעם אָטעם פון דער צייט". אויך דאָ, אין לאַנד פון די אבות, אין דער מדינה, וועלכע איז אויסגעטראָגן געוואָרן דורך חלוצישער מי און אידעאַליזם, האָט ער שנעל דערשפּירט דעם בייזן גייסט פון וווּליגאַרישן קאַריעריזם און ווולגאַרן ניהיליזם צווישן דער יוגנט, זיך אָנגעלייענט וועגן אויסגעגליטשטן וועג פון פיל שילערס, גראָד פון די רייכע היימען; זיך אָנגעהערט וועגן מזלזל זיין מיט אידעען און פּראָגראַמען; געווען אַן עדות פון חוזק און שפּאָט איבער פּאַרטייען און יוגנט־באַוועגונגען; זיך צוגעקוקט צו די טיפע אַנטוישונגען פון יונגע בחורים, וואָס אַנשטאָט זיין אַקטיוו שעפעריש, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט צו קאָרטן־שפּיל, דאַנסינג און אידעישער פוסטקייט.

די פּרעסע הערט נישט אויף שרייבן וועגן גרויסע טיילן פון אונדזער יוגנט, וואָס "לאָדנט זיך אויס" אין גנבענען אויטאָס, אין איינברוכן אין קיאָסקן און געשעפטן, אין זוכן גשמיותדיקן תכלית און לייכטע קאַריערעס אין שטאָט. דאָס איז די זעלבע יוגנט, וואָס ווייכט פון פיזישער אַרבעט אין פאַבריק, וואַרשטאַט און פעלד, טוענדיק אַלץ פאַר באַקוועמער איינאָרדענונג אין ביוראָ, ביים מסחר, אין פאַרמיטלונג.

איז דאָס אַלץ אַ צופאַל, אָדער אַ גזירה מן השמים? און אפשר גאָר זענען מיר אַליין שולדיק אין דעם, וואָס דער אונטערוואַקסנדיקער דור פאַרלייקנט דעם חלוצישן דרך?

אַוודאי איז דער קריזיס אין דער ישראלדיקער יוגנט אויך אַן אָפּקלאַנג פון יענע אַנטוישונגען און איבערלעבונגען אויף דער גרויסער וועלט, וועלכע ס׳האָט אַדורכגעמאַכט די יוגנט אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר, באַזונדערס אין די שווידערלעכע מלחמה־יאָרן און נאָך זיי. "ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך" – און אונדזער לאַנד האָט נישט געקאָנט בלייבן אויסערן תחום פון פערמענט און ירידה – דעם סימן מובהק פון היינטיקן יונגן דור. צו דער דאָזיקער אלגעמיינער דערשיינונג קומט צו אַ ספּעציפיש־ישראלדיקער "אָבער", וועלכער האָט צוגעאיילט און אויסגעברייטערט דעם פּראָצעס פון באַרג־אַראָפּ ביי אונדזער יוגנט.

נאָר פאַר אלעמען – אַ קליינע באַוואָרעניש:

מיר זענען זייער ווייט פון פאַראַלגעמיינערונגען און וואָלטן באַגאַנגען אַן אומפאַרצייַלעכן פעלער, ווען ביים צורירן זיך צו דער דאָזיקער טעמע, נישט אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד, אָנערקענונג און לויב יענע וווּנדערבאַרע יאַטן, סיי די "סאַברעס", ווי די געקומענע פון אויסלאַנד, וועלכע זענען אַוועק אין די קיבוצים, זיך באַזעצט אין די סאַמע געפערלעכסטע גרענעץ־ישובים, מקריב געווען זייער פּריוואַט לעבן פאַר אַלגעמיינע אידעאַלן און ווערטן; די יוגנט, וואָס האָט אויסגעקליבן די חלוצישע באַוועגונגען, דעם נח״ל און טרייע, פּאַטריאָטישע דינסט אין צה״ל; די יוגנט, וואָס מיט איר שוויס און מי גיט זי דעם שעפערישן און קאָנסטרוקטיוון צושטייער דער אַנטוויקלונג פון דער מדינה.

אָבער נישט זיי זענען מיר אויסן מיטן איצטיקן אַרטיקל. אונדזערע ווערטער פון ערנסטער באַדויערונג באַגלייטן יענע אויסגעגליטשטע יוגנטלעכע, וועלכע זענען אַוועק אויף געפערלעכע וועגן, פאַרשאַפן חרפה׳ס און בושות. זייערע עלטערן, און אומכבוד – דער מדינה. די יוגנטלעכע,

וועלכע האָבן זיך באַצייטנס אויסגעלערנט די תורה פון "וועלן מאַכן אַ לעבן" און אין סאַמע פריען עלטער זיך פאַרוואַנדלט אין געניטע "אַלרייטניקעס".

זיכער איז עמעץ שולדיק אין אַזאַ פאַטאַלער דערשיינונג. זיכער טראָגט וועגן די פאַקטישע און מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס גראָד אין אונדזער לאַנד זענען אַזוי נידעריק געפאַלן די אַקציעס פון לויטערן חלוציזם און ריינעם אידעאַליזם.

ווער־זשע טאַקע האָט עס גורם געווען צו אַזאַ מצב?

ס'איז נישט שווער אָנצוווייזן אויפן ערשטן און אַנטשיידנדיקסטן אַדרעס: די שול! נאָר דער הערשנדיקער גייסט אין שול, די באַנעמונג פון די לערערס, מערער ווי די אַטמאָספער אין דער היים און אין גאַס, פאָרמירן דעם יוגנטלעכנס כאַראַקטער און באַשטימען ענטגילטיק, צי זאָל ער שפּאַנען אויפן וועג פון די חלוצישע פאָרגייערס, אָדער גאָר ווערן מיטגעריסן מיטן שטראָם פון קאַריעריזם.

*

מיר געדענקען גוט, ווי בסך־הכל 5 יאָר נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה, איז איינגעפירט געוואָרן דאָס געזעץ וועגן אַלגעמיין־מלוכהשער דערציונג. מיט איין פעדער־שטריך איז אָפּגעשאַפן געוואָרן די אַרבעטער־שטרעמונג אין די שולן, וועלכע האָט יאָרנלאַנג עקזיסטירט ווי א זעלבשטענדיקע פאָרמאַציע אין דער בילדונג־נעץ. כאַראַקטעריסטיש, אַז די אַלגעמיינע און רעליגיעזע שטרעמונגען זענען איבערגעבליבן, בעת דער ערשטער קרבן פון מפא"ישע קאָנצעסיעס כלפי די דעמלטיקע שותפים אירע — די ציונים־כלליים, איז געפאַלן דאָס אַרבעטער שול־וועזן. מיט אַ צייט שפּעטער איז געקומען אַ פרישע גזירה: פאַרבאָט פון אויפקלערונג פאַר די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פלעגן אין די עלטערע קלאַסן פירן זייער אַרבעט צווישן די שילערס, כדי זיי געווינען פאַר דער באַוועגונג. דאָס האָט געמיינט — עקסקלוסיוו זיי צוגרייטן פאַרן קיבוץ. פונדעסטוועגן, האָט מען די אָרגאַניזאַציעס פאַרבאָטן איבערטרעטן די שוועל פון די שולן. בלויז זיי זענען געשטעלט געוואָרן אויסערן תחום, בעת אין נאָמען פון כלומרשטער "אומפּאַרטייאישקייט" און "מלוכהשקייט", האָט מען דער סקויטן־אָרגאַניזאַציע ("הצופים") און דער מפא"ישער יוגנט־באַוועגונג ("התנועה המאוחדת") דערלויבט פראַנק און פריי צו אַרבעטן אין די שולן. קלאָר, אַז ביי אַזאַ פאַראַדאָקסאַלן מצב, האָבן די צוויי ארבעטער־שותפים אין דער קאָאַליציע — מפ"ם און אחדות־העבודה — געפאָדערט פון דער רעגירונג צו רעווידירן דעם אומגעלומפּערטן באַשלוס פון פּריווילעגירן ענג־פּאַרטייאישע יוגנט־באַוועגונגען, ביים בויקאָטירן יענע חלוצישע יוגנט־כוחות, וועלכע האָבן מיט מעשים באַוויזן זייערע פּרעקטיקע דערגרייכונגען און אויפטוען אין שטח פון דערציען די יוגנט צום קיבוץ. נאָך לאַנגע אָפּשלעפּעניש, האָט ענדלעך די מפא"י־מערהייט מיט די איבעריקע שותפים (רעליגיעזע און פּראָגרעסיווע) געגנצלעך פאַרבאָטן א דריסת הרגל אין די שולן פאַר אַלע אָן אויסנאַם יוגנט־באַוועגונגען, אַריינגערעכנט אויך די "הצופים" און די "תנועה המאוחדת".

אינטערעסאַנט, אַז די פאָרשטייער פון די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, די "חלוצים" און "סקויטן" פון מפא"ישן חדר, האָבן מיט רעזיגנאַציע אָנגענומען די גזירה, וואָס האָט אויך פאַר זיי פאַרמאַכט די טירן פון די שולן, ווו מען קאָן געפינען פּאָטענציעלע קאַנדידאַטן פאַר חלוצישער טאַט. געגוי ווי די פאַלשע מאַמע פון שלמה המלך'ס משפט, האָבן זיי מסכים געווען צו צעטיילן דאָס קינד אויף צוויי, אבי קיינער זאָל נישט חושד זיין מפא"י, אַז אירע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס לאָזט זי יאָ זיין טעטיק אין די שולן, און די אַנדערע — נישט.

די אמתע מאַמע אָבער, די טרייע טרעגערס פון די חלוצישע ווערטן און חלוצישע מעשים, ספּעציעל די גרעסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין לאַנד און אין די תפוצות — דער השומר הצעיר — האָבן נישט משלים געווען מיט דער אומרעכט און ווילקירלעכן עוולה — און אַרויס אין קאַמף. היינטיקן פרייטיק־צו־נאַכט איז טאַקע אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ ריזיקער יוגנט־מיטינג, ווו הונדערטער יוגנטלעכע האָבן געהאַט די פולע מאָראַלישע און נאַציאָנאַלע רעכט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם אַריינשטויסן זיי אין אַ געטאָ קעגן, געבן זיי איבער די הענט", וואָס זיי ווילן אונדזער

יוגנט דערציען צום קיבוץ, צום קאָלעקטיוון לעבן, צום פּאַרטיידיקן די גרענעצן, צום באַלעבן די וויסטעניש, צום ריינעם אידעאַליזם און מסירת־נפש. מיט יוגנטלעכן פּאַטאָס, מיט אויפריכטיקער זאָרג איבערן גורל פון דער מדינה און איבער די אויסזיכטן פון באַלעבן דעם נגב, פון געבן הילף די יונגע, זיך ראַנגלענדיקע קיבוצים, האָט געקלונגען די שטים פון די רעדנערס, וועלכע האָבן איצט מערער ווי די עלטערע, אפילו די פון דער צווייטער עליה און דערצויגלינגען אין נהלל, פאַרשטאַנען דעם געבאָט פון דער שעה:

געבן דער יוגנט א אידעישן אָנהאַלט;

צייכענען פאר איר א וועג אין לעבן, פול מיט אינהאַלט און געראַנגל;

אויסוואָרצלען דאָס שלעכטע און נעגאַטיווע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צווישן דעם אונטערוואַקסנדיקן דור.

*

די גזירה פון פאַרבאָט און חרם כלפי חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין די שולן דאַרף בטל ווערן! סיי לטובת דער היגער, ישראלדיקער יוגנט, סיי כלפי די יוגנטלעכע פון מזרח־אייראָפּע, צפון־אפריקע און לאַטיין־אַמעריקע, וועלכע קומען צו די ברעגעס פון לאַנד און דאַרפן דאָ פאַראַנקערן.

ווייל נאָר אַן אַטמאָספער פון אידעישער אָנגעלאָדנקייט, חלוצישע שפּאַנונג און צילבאַוווסטקייט, איז מסוגל צו לייזן איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פראַגן פון אונדזער אונטערוואַקסנדיקן דור. די דאָזיקע אַטמאָספער וועט אויך האָבן איר פּאָזיטיווע אויסווירקונג אויף יענע הונדערטער און הונדערטער יוגנטלעכע טוריסטן פון מעבר לים, וועלכע קומען קיין ישראל זוכן "עפּעס אַנדערש" ווי אין זייערע לענדער – און שטויסן זיך דאָ אָן אויף דערשיינונגען, וועלכע לייגן אַריין אין זייערע מיילער די פאַטאַלע פראַגע:

"פאַרוואָס גייט נישט די היגע יוגנט אין די קיבוצים?!"

(י"ש, ת"א 26.6.58)

## וועגן מוניציפּאלע שטייערן און געוויסע שליחי־ציבור

ערשט די טעג האָבן די מוניציפּאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגען אין לאַנד פאַרענדיקט די באַהאַנדלונג און באַשטעטיקונג פון זייערע בודזשעטן אויפן יאָר 1958/59. אַזוי ווי די גאַנצע אָן אויסנאַם קאָמונאַלע ווירטשאַפט אין ישראל אַרבעט מיט באַדייטנדיקע דעפיציטן, איז געווען נויטיק צו פאַרשטאָפּן די בודזשעט־לעכער. דערפאַר האָט דער רוב שטאָטראַטן באַשלאָסן צו העכערן דעם אַלגעמיינעם שטייער. נישט אומעטום איז די העכערונג צוגעגאַנגען גלאַט. דער וויכוח אַרום דער פראַגע האָט צעשטורעמט די געמיטער און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּרינציפּיעלן און עקשנותדיקן קאַמף אַרום דער שטייערן־פּאָליטיק בכלל.

אַרום וואָס איז פאָרגעקומען דער געראַנגל? ווער איז גערעכט געווען: צי די וואָס האָבן פאָרגעלייגט און באַשלאָסן יאָ צו העכערן די שטייערן, אָדער די וואָס האָבן געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין און אפילו גרייט געווען צו פאַרלאָזן די בשותפותדיקע אָנפירונג מיטן שטאָט־ראַט?

**דריי ציפערן און... ענגלישע געזעצן**

איידער מיר וועלן ענטפערן אויף די פראַגן, איז כדאי צו באַקענען זיך מיט דריי אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע ציפערן:

די אַדורכגעפירטע העכערונג, אין די ראַמען פון אַ 15%, דאַרף אַריינטראָגן אין די דעפיציטע קאַסעס די סומע פון אַ 4 – 5 מיליאָן ל"י;

דער דעפיציט פון די מוניציפּאַליטעטן איז 20 מיליאָן ל"י;

ס׳איז געבליבן אויפצומאָנען אַ חוב פון פאַרלעגענע שטייערן, וועלכער דערגייט ביז 50 מיליאָן ל״י.

מיט אַנדערע ווערטער: וואָלט די אינקאַסע געווען אַ מער אינטענסיווערע און ענערגישע, ווער ווייסט צי די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען וואָלטן נישט געאַרבעט מיט אַן עודף, בפרט, אַז די באַשטעטיקטע העכערונג וועט אפילו נישט דעקן אַ פערטל פון דעפיציט.

אָבער דעם שורש פונעם שלעכטן דאַרף מען זוכן נאָך טיפער. ווייל די גאַנצע יוריסדיקציע פון דער ישראלדיקער מוניציפּאַלער טעטיקייט שטיצט זיך, דער עיקר, אויף דעם... בריטישן מאַנדאַט־געזעץ פון יאָר 1934. פאַרשטענדלעך, אַז ווען די ענגלישע הערשער אין לאַנד האָבן מיט 28 יאָר צוריק אויסגעאַרבעט אַ מוניציפּאַלן סטאַטוס פאַר ארץ־ישראל, האָבן זיי נישט געבלעטערט די שטאָטישע פנקסים פון אַ שטאָקהאָלם צי טאָקיאָ. זיי האָבן זיך באַזירט בלויז און אויסשליסלעך אויף די ענגלישע געזעצן, פון וועלכע עס האָט נאָך דעמאָלט זיך געטראָגן אַ גאַנץ בכבודיקער ריח פון צוריקגעשטאַנענקייט. אויף צוויי כאַראַקטעריסטישע יסודות שטיצט זיך די דאָזיקע געזעצגעבונג:

אָפּהענגיקייט פון די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען;

אַ שטייערן־סיסטעם, געבויט לויט דער גרייס פון די וווינונגען.

## די קובאטור — אנשטאט די קעשענע

די בריטישע תורה, אַז דער שטאָט־איינוווינער זאָל צאָלן דעם שטייער לויט דער קובאַטור פון זיין דירה, איז געוואָרן דער ווינקלשטיין פאַר דער מוניציפּאַלער שטייערן־פּאָליטיק נאָך איצט, אין צענטן יאָר פון ישראלס זעלבשטענדיקן קיום. נישט דאָס פאַרמעגן פונעם צאָלער, זיין געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע אָדער פּאָרדינסטן, באַשטימען זיין אָנטייל אין אויסטראָגן די מוניציפּאַלע לאַסט, נאָר די צאָל צימערן און פאַרנעם פון זיין וווינונג. עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז אַן אָנגעשטאָפּטער גביר, וועמען עס ווילט זיך צוליב טויזנט און איין סיבה וווינען אין אַ 2 – 3 קלענערע צימערן, זאָל צאָלן אַ באַדייטנדיק קלענערן שטאָטישן שטייער, ווי אַ ייד — אַ קבצן, וועמען עס איז בירושה פאַרבליבן אַן אַלטע, נישט מאָדערנע, גרויסע דירה, אויף וועלכער ער האָט אפילו נישט קיין בעלן צום פאַרקויפן. היינט שטעלט זיך פאָר, ווען מלוכהשע שטייערן וואָלטן געוואָרן איינקאַסירט לויט דער הייך צי לויט דער דיק פונעם בירגער, נאָר נישט פון זיין הכנסה — ווי לעכערלעך וואָלט אויסגעזען אַזאַ שטייערן־סיסטעם. אָבער נישט ווינציק לעכערלעך איז די שיטה פון דעם ״ארנונה״־שטייער, וואָס ווערט איינגעמאָנט לויטן פאַרנעם פון דער וווינונג, און נישט לויט דער אָנגעשטאָפּטקייט פונעם טייסטער...

אמת, אין אונדזערע רעגירונגס־קרייזן האָט מען זיך ענדלעך געכאַפּט, אַז אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלער און לעכערלעכער שטייערן־סיסטעם מוז ווערן אָפּגעשאַפט. אַ ספּעציעלע יורידישע קאָמיסיע ביים מוניציפּאַל־ראַט פונעם אינערן־מיניסטעריום, גרייט אַ נייעם געזעץ־פּראָיעקט. אָבער די געזעצגעבערישע מיל אין ישראל מאָלט זייער לאַנגזאַם און ביזן דערגרייכן די געגאַרטע ענדערונג, וועט מען דערווייל ״אַריינכאַפּן״ שטייער־העכערונגען, וואָס וועלן טרעפן אַלע איינוווינערס, וועמענס עטוואָס גרעסערע דירה באַטייט נאָך לגמרי נישט קיין גרעסער פאַרמעגן...

## דער קנאפער אנטייל פון דער רעגירונג

אָן שום ספק, אַז אינעם קלאָגעדיקן פינאַנסיעלן מצב פון די מוניציפּאַליטעטן, האָט אַ נישט קליינעם חלק די רעגירונג־פּאָליטיק מיט אירע מאָגערע סובווענצן. מוזן דאָך די שטאָט־פאַרוואַלטונגען זאָרגן פאַר דער געזונטהייט פון דער באַפעלקערונג, פאַר קינדער־דערציונג, סאַניטאַציע, סאָציאַלע הילף און אַנדערע וויכטיקע אויפגאַבן, וואָס אין דער אונטערשטער שורה, אונטערליגן זיי די קאָמפּעטענצן און אויפגאַבן פון די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען. דערצו זענען

אונדזערע שטעט און ישובים אין צושטאַנד פון כסדרדיקן וווקס און אַנטוויקלונג. די עטלעכע זיבעציק טויזנט עולים, וואָס זענען בלויז אין לעצטן יאָר געקומען קיין ישראל, האָבן פאַר אַלע מוניציפּאַליטעטן אין לאַנד געשאַפן אַ שלל ערנסטע און זייער הארבע פּראָבלעמען פון קליטה. און צוגלייך דערמיט — פאַרגרעסערטע אויסגאַבן, אומפּאָרויסגעזעענע אין די בודזשעטן.

האָט די רעגירונג זיך גערעכנט מיט די דאָזיקע לעבעדיקע פאַקטן און עפּעס דערלייגט צו אירע סובווענצן?

אַ קורצער איבערבליק איבערן וווקס פון די אַלגעמיינע רעגירונגס־בודזשעטן און זייערע סובווענצן פאַר די קאָמונאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, באַווייזט אַמבולטסטן די עוולה, וואָס איז געטאָן געוואָרן אונדזערע שטעט, און במילא — אירע איינוווינערס.

אָט איז דער מדינה־בודזשעט פאַרן יאָר 1958/59 אויסגעוואַקסן (אַנטקעגן דעם יאָר 1948/49) אויף גאַנצע פערציק מאָל, בעת דער אַלגעמיינער בודזשעט פון די מוניציפּאַליטעטן פאַר דער דאָזיקער צייט איז געשטיגן נישט מער ווי אויף 14 מאָל. אין די בודזשעטן פון די זעלבסטפאַרוואַלטונגען באַטייליקט זיך די רעגירונג בסך־הכל מיט 25%, בעת אין אַנדערע לענדער — 50%).

ביי אַזאַ באַציונג מצד דער רעגירונג, און אין אָנבליק פון די שטאַרק אויסגעוואַקסענע באַדערפענישן און באַגרענעצטע הכנסות, זענען דער רוב שטאָטראַטן אַוועק אויפן סאַמע לייכטסטן וועג פון לייזן זייערע פינאַנסיעלע שוועריקייטן: פאַרגרעסערן די שטייערן־לאַסט פונעם בירגער.

### א פאטאלע שטייערן־פאליטיק

דער דאָזיקער צוגאַנג, "פאַר אַלץ זאָל צאָלן דער בירגער", האָט זיך זיין אידעאָלאָג און פאַרווירקלעכער אין דער רעגירונג, אין דער פּערזאָן פון איצטיקן פינאַנס־מיניסטער. ווי קמצנותדיק־פאַרמאַכט עס איז זיין האַנט אויף צו געבן, אַזוי ברייטהאַרציק־אָפן איז זיין האַרץ אויף צו נעמען. און נעמען דאַרף מען דאָך אַ סך, ווייל אַ מדינה, וואָס איז נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט און פאַרגרעסערט כסדר איר באַפעלקערונג דורך עליה, דאַרף טאַקע האָבן זייער פיל — האַלט דערפאַר אשכול, אַז אויב נעמען — איז נאָר ביים אַרבעטער. ער איז דער בעסטער, זיכערסטער און געהאָרכזאַמסטער צאָלער. מיר זענען שוין באַלד דערגאַנגען צו אַ "וועלט־רעקאָרד" אויפן געביט פון אַראָפּרעכענען דעם לוין־אַרבעטער פאַרשידענע שטייערן, וואָס דערגייען פון 30% ביז 40% פון זיין געהאַלט. אויב אין די עיריות פון תל־אביב, חיפה, ירושלים און פתח־תקווה האָבן זיך באַוויזן גרויסע דעפיציטן, טראַכט מען נישט וועגן איינקאַסירן די פאַרלעגענע חובות, צו וועלכע עס האָבן גורם געווען גראָד די פאַרמעגלעכע שיכטן, וואָס מיט צאָלן שטייערן זענען זיי קיינמאָל נישט געווען קיין אייליקע; צי פאָדערן ביי דער רעגירונג אַ פאַרגרעסערטע סובווענץ; אָדער איינפירן אַ פּראָגרעסיוון שטאָטישן שטייער פון פאַרמעגנס, פלעצער, גרויסע געשעפטן און אונטערנעמונגען; אפשר גאָר פאַרקלענערן דעם אַפּאַראַט און די אדמיניסטראַטיווע אויסגאַבן — ניין! מען איז אַוועק אויף אשכולס וועג: העכערן די שטייערן. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָנען־טרעגער פון דער דאָזיקער פּאָליטיק איז מפא"י אין די שטאָט־פאַרוואַלטונגען.

לויט דער דאָזיקער "טעאָריע" קומט אויס, אַז דער לוין פון אַרבעטער דאַרף זיין פאַרגליווערט; אַז מיטן אינדעקס וואָס דאַרף פאַרזיכערן א יקרות־צושלאַג צום געהאַלט, זאָל מען אַזוי קאָנען מאַנעוורירן, אז דער אַרבעטער זאָל כמעט נישט האָבן קיין שום קאָמפּענסאַטע פאַר דער פאַרטייערונג. בלויז די פרייזן פון די לעבנסוויכטיקע אַרטיקלען און די שטייערן — מוניציפּאַלע ווי מלוכהשע, אונטערליגן נישט קיין שום "פאַרפרירונגס־געזעצן" און קאָנען צו יעדער צייט געהעכערט ווערן, לויטן איינזען פון פינאַנס־מיניסטער, צי פון די "שטאָט־טאַטעס".

דערפאַר איז מפ"ם געווען פּרינציפּיעל קעגן יעטוועדער העכערונג פון די שטייערן מצד די שטאָטראַטן, אומאָפּהענגיק פון זייער אָנפירונג. די דאָזיקע קעגנערשאַפט האָט געמיינט די רעכטע, רעאַקציאָנערע שטאָט־פאַרוואַלטונג אין תל־אביב, פונקט ווי די אַרבעטער־קאָאַליציע אין חיפה צי עכו. די ראַטמענער פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי האָבן געשטימט קעגן די העכערונגען.

און דאָרט ווו עס האָט גערדראָט אַ געפאַר פון אויפלייזן די אַרבעטער־קאַליציע און זי פּאַרבייטן מיט אַ רעכטער אָנפירונג, האָט זי זיך אָפגעהאַלטן פון שטימען.

•

**אַן אָפּשטימונג לויטן געוויסן און לויט דער... קעשענע**

דעם דאָזיקן געזונטן און קאָנסעקווענטן צוגאַנג צו דער שטייערן־פּאָליטיק בכלל, האָבן זייער גינסטיק אויפגענומען די שטאָטישע מסים־צאָלער, דער עיקר – די שטענדיק באַעוולהטע אַרבעטער און אָרעמקייט. האָט מען געהאַט אַ גרונט צו גלויבן, אַז אויך די אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען, ספּעציעל אחדות־העבודה, וועט זיך אידענטיפיצירן מיט דער דאָזיקער שטעלונג פון מפ״ם, בפרט נאָך, אַז אויך די דאָזיקע פּאַרטיי האָט אָפיציעל דעקלאַרירט איר פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפט צו העכערן די שטייערן. איז אָבער געקומען די פרשה עכו, וועלכע האָט באַוויזן ווי ווייט אומגעזונטע דערשיינונגען האָבן זיך אַריינגעגנבעט אויך אינעם עפנטלעכן לעבן פון אַרבעטער־פּאַרטייען.

פאַרן פרייז פון שטימען צוזאַמען מיט מפא״י צו העכערן די שטייערן אין עכו, האָט דער ראַטמאַן פון אחדות־העבודה, וועלכער איז געווען וויצע־פּאָרזיצער פון שטאָטראַט אָן אַ געהאַלט, באַקומען צוגעזאָגט דעם געהאַלט פון מפ״מישן וויצע־פּאָרזיצער, אין פאַל אויב דער לעצטער וועט שטימען קעגן דער שטייערן־העכערונג. און ווען ס׳איז דערגאַנגען צו דער אָפּשטימונג, האָט דער מפ״ם־ראַטמאַן געשטימט ווי אים האָט דיקטירט זיין געוויסן, און דער ראַטמאַן פון אחדות־העבודה – לויטן דיקטאַט פון זיין קעשענע. און דאָ האָט דער מפא״י־פּאָרזיצער גלייך געמאָלדן, אַז פון איצט אָן ווערט דער מפ״מישער פאָרשטייער אויס געצאָלטער וויצע־פּאָרזיצער און דער פון אחדות־העבודה ירשנט זיין געהאַלט, אַלס שכר פאַר גוטער אויפירונג און צושטימונג מיט מפא״י.

אַזאַ ווולגארער אופן פון לייזן גרונטיקע צי פּערזאָנעלע ענינים אין צווישנפּאַרטייאישע באַציונגען, דערצו נאָך ביי געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע זיצן צוזאַמען אין דער רעגירונג און הסתדרות, קאָן אַרויסרופן נישט בלויז פאַרדרוס און ווייטיק, נאָר אויך טיפן עקל. פאַר אַ טאָפּ לינזן איז פאַרקויפט געוואָרן די בכורה פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט. דערפאַר אָבער האָט די עפנטלעכקייט אין עכו (און נישט בלויז אין יענער שטאָט!) באַקומען אַן אַנשוילעכע לעקציע.

**דער יום הדין — שוין איצט**

זעלטן ווען קומט דער טאָג, אַז געוויילטע פאָרשטייער זאָלן דאַרפן באַריכטן פון זייער טעטיקייט. זיי וועלן אָבער מוזן דערלאַנגען אַזאַ דין־וחשבון, אויב די וואָס שיקן זיי, וועלן עס אויסדריקלעך פאָדערן. געקומען די צייט, אַז שוין איצט, און נישט אַ מיטוואָך ערב די וואַלן, זאָלן די דאָזיקע פאָלקס־פאָרשטייער אין די שטאָטראַטן און אין כנסת, אין דער הסתדרות און אין אַנדערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס, אָנהייבן דערציילן ווי־אַזוי זיי דערפילן זייערע געזעלשאַפטלעכע שליחות, אין אַ וואָסער מאָס פאַרווירקלעכן זיי די צוזאָגן, אויף וועלכע זייערע פּאַרטייען האָבן זיך אַזוי פייערלעך געחתמעט און מיט וואָס זענען זיי געבליבן טריי די פּאַטעטישע צוזאָגן ערב די וואַלן. עס וואָלט געווען נייטיק – לשם געזעלשאַפטלעכער עטיק און מאָראַל – אַז די שליחי־ציבור זאָלן עטלעכע מאָל אין יאָר, אומאָפּהענגיק פון די ״וואַל־סעזאָנען״, דערציילן דעם פאָלק, באַזונדערס זייערע ווילערס, וואָס זיי האָבן געקעמפט און וואָס זיי האָבן דערגרייכט, אָדער אפילו געליטן אַ דורכפאַל, אין זייער געזעלשאַפטלעכן קאַמף. אַזאַ דירעקטער צוויפטרעף פון ווילערס מיט זייערע פרנסים, וואָלט געהאָלפן רייניקן די אַטמאָספער אין לאַנד און געגעבן אַ געלעגנהייט צו האַלטן אַן אויג אויף דער טעטיקייט פון געוויסע שליחי־ציבור.

דעם אָנהייב וואָלטן באַדאַרפט מאַכן די ראַטמענער אין די מוניציפּאַליטעטן, בראש מיטן איצטיקן בירגערמייסטער פון עכו און זיין פריש־געבאַקענעם פּאַרטרעטער; אויך די כנסת־דעפוטאַטן, הסתדרות־פאָרשטייער, אפילו מיניסטאָרן – און די אַלע וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע, ראַנג און אַמט אין שליחות פון פאָלק, וואָלטן אַמאָל

באַדאַרפט דערציילן פון זייער פרוכטבאַרער צי עקרותדיקער טעטיקייט. נישט אויסגעשלאָסן, אַז דעמאָלט וואָלטן אַלץ זעלטענער געווען די פאַלן פון מיסברויכן און פאַרלייקענען דעם ווילן פון ווײַלער – אַזוי אין די שטאָטראַטן, ווי אין אַנדערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס.

די ציפערן זענען גענומען פון מ. **לעוויט'ס** אַרבעט "דער וועג פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין לאַנד" ("בשער" נומ' 3).

(י"ש, ת"א 20.3.58)

# יורדים און זייערע פאַרטיידיקערס

די פלאָג פון ירידה ווערט נישט קלענער. אדרבה, דער ציפער פאַר די ערשטע ניין חדשים פון יאָר 1958 דערציילט וועגן זעקס טויזנט בירגער פון מדינת ישראל, וואָס האָבן ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט, זוכנדיק א נייע היים, א פריש פּאָטערלאַנד – ווער אויף יענער זייט אקעאַן, ווער אין איינער פון די אייראָפּעישע מדינות, אַריינגערעכנט דייטשלאַנד, ווער גאָר – צוריק פונוואַנען ער איז געקומען.

אוודאי קאָן מען זיך טרייסטן דערמיט, וואָס אויפן אָרט פון די יורדים קומען עולים. זיי שטראָמען לעצטנס אין די טויזנטער אַ חודש און גראָד פון אַזאַ לאַנד, פונוואַנען מען האָט זיך אַמווינציקסטנס געריכט. דאָס אָרט פון די ארויסגעפאָרענע פאַרנעמען אָקערשט געקומענע און דערצו נאָך מיט אַ גאָר אָנזעעוודיקן עודף. אויך ווייזן אָן אָפּטימיסטן און טרייסטערס, אַז יעדער עליה־שטראָם, פּונקט ווי יעדער עמיגראַציע־כוואַליע, רופט דערנאָך אַרויס אַ רעעמיגראַציע. אַזוי אין די קלאַסישע לענדער פון איינוואַנדערונג, אַזוי אויך אין מדינת ישראל.

פונדעסטוועגן רודערט וועמען אויף דאָס פּראָבלעם ירידה. עמעץ פון די כנסת־דעפּוטאַטן דערלאַנגט אַן אינטערפּעלאַציע, וועלכע ס'איז ציַיטונג שרייבט אויף דער טעמע אַ מאמר, אמאָל אָרדענט מען איין אַ סימפּאָזיום – נאָר עס בלײַבט ביים אַלטן: די מדינה גייט אָן מיט איר ווייטערדיקער ראַנגלעניש און טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען, וואָס איינס פון די סאַמע וויכטיקסטע איז – אויפצונעמען נייע עולים, ווינטשענדיק זיך זיי זאָלן קומען וואָס מערער און וואָס אָפּטער, בעת אין לאַנד געפינען זיך פרישע און אַלטע עולים, אפילו סאַברעס, וואָס ליקווידירן זייערע עסקים, פּאַקן איין די טשעמאָדאַנעס – און ווייטער געפאָרן.

בני ישראל פאַרלאָזן מדינת ישראל.

**סטאַטיסטיק — יאָ, פאָרשונג — נישט**

צום באַדויערן, האָבן מיר נישט קיין גרונטלעכע אויספאָרשונג וועגן די אמתע טרייב־כוחות וואָס האָבן באַוויגן דעם ייד דעם אייביקן וואַנדערער ווידער זיך לאָזן נע־ונד, שוין נאָכדעם ווי זיין שיף איז געהאַט דערגאַנגען צום ברעג און ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין היימלאַנד.

ס'איז אָנצונעמען, אַז אַזאַ פאָרש־מאַטעריאַל וואָלט אונדז געהאָלפן דערגיין צום שורש פון פּראָבלעם. ווײַל כל־זמן קיין שום יורד האָט נישט אויפגעעפנט זיין האַרץ פאַר אַ מין "גאַלופּ־אינסטיטוט"; כל־זמן עס זענען נישט פאַראַן קיין אַנקעטעס מיט רעגיסטרירטע טענות פון אַזעלכע יידן צו דער מדינה און צו אירע אַנשטאַלטן, מוז יעטוועדער אַנאַליז צי אָפּשאַצונג פון דעם פּראָבלעם זיין אַן אינדיווידועלע, גיכער אַן אָנשטויסן זיך, איידער אַ וויסנשאַפטלעכע באַהאַנדלונג און אָביעקטיווער אורטייל.

אָבער די סטאַטיסטיק איז פיל־ווייניק אין אָרדענונג. זיצן זיך מומחים פון ציפערן, וואָס רעגיסטרירן, ציען אונטער סך־הכלען און פאַרעפנטלעכן באַריכטן: אַז פאַר 10 יאָר מדינה־קיום האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס מיינט: 10 טויזנט אַ יאָר, ביי אַ 850 אַ חודש; אַז קאַנאַדע אַליין האָט אויפגענומען ביי אַ 7 טויזנט יורדים; אַז אַ 15 טויזנט – אַ העלפט פון דער איצטיקער יידישער באַפעלקערונג אין מערב־דייטשלאַנד, זענען געקומען פון... ישראל.

אויך ווייסט איין צייטונג צו דערציילן, אַז בלויז אין איין קאָנסולאַט אין תל־אביב זענען רעגיסטרירט זעקס טויזנט ישראלים אויף אַריינפאָר־וויזעס אין יענעם לאַנד. אַנדערע זשורנאַליסטן

איילן זיך צו באַריכטן וועגן כלומרשטע גרויסע רייען ביים פּוילישן קאָנסולאַט.

ווילט זיך טאַקע פרעגן:

פאַרוואָס האָט די רעגירונג, די סוכנות און די הסתדרות משלים געווען מיט אַזאַ לאַגע? פאַרוואָס האָבן זיי אַזעלכע ציפערן נישט געמאַכט ציטערן? פאַרוואָס איז נישט אַלזייטיק און אָביעקטיוו געפאָרשט געוואָרן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם?

די פראַגע פון וויפל ס׳האָבן פאַרלאָזט, איז טאַקע זייער וויכטיק. עס וואָלט אָבער נישט געשאדט אויך צו וויסן, פאַרוואָס איז מען אַרויסגעפאָרן?

**ווער זענען די יורדים?**

אויב ס׳איז אפשר שווער צו געבן אַ פרעציזן ענטפער אויף דער פראַגע ״פאַרוואָס פאַרלאָזט מען ישראל?״ איז אָבער גאנץ לייכט צו כאַראַקטעריזירן דעם ווער, ד. ה. יענעם מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס זוכט אַ וועג פונדאַנען זיך אָפּצוטראָגן. מיר ווילן דאָ אויסטיילן יענע יורדים, וואָס האָבן נאָך אַ געוויסע ״דעקונג״ פאַר זייער שריט. צי זענען דאָס די אַלטע טאַטע־מאַמע, וועמענס קינד צי קינדער ווילן נישט קומען אַהער, נאָר פאַרלאַנגען די עלטערן צו זיך; צי די קאַטוילישע פרוי פונעם יידישן מאַן, וואָס אונדזער קלער לאָזט זי נישט ווערן אַ פולווערטיקע בירגערין פון דער מדינה און זי רייסט זיך מיט אַלע כוחות צוריק אַהיים, מיטשלעפּנדיק דערביי די גאַנצע פאַמיליע; אָדער יענע געציילטע מענטשן, וועמען עס האָט זיך באמת נישט איינגעגעבן צו זיכערן דאָ א מינימום עקזיסטענץ.

אָבער דער רוב מנין ובנין פון די אַנטלויפערס קאָן מען נישט בשום אופן פאַרגלייכן צו סתם עמיגראַנטן, וואָס לאָזן זיך אין ווייטן וועג נאָכן שטיקל ברויט, אָדער צו אַ גערודפטער פּאָליטישער עמיגראַציע. אַזאַ יורד קאָן זיך נישט שטעלן אין איין ריי מיטן איטאַליענישן פויער, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווייל דער דלות האט אים דערצו געטריבן; צום פּוילישן קוילנגרעבער, וואָס איז אַוועק קיין פראַנקרייך, כדי זיכערן פאַר זיך אַ מענטשלעכן קיום, אָדער צום דיסקרימינירטן הונגער־ליידנדיקן ייד אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס האָט זיך געלאָזט איבער ימען און אָקעאַנען, זוכנדיק אַ ביסעלע גליק. ניין! דער איינוווינער פון ישראל, וואָס לאָזט זיך אַוועק אין נייע מקומות, לויפט נישט זוכן קיין ברויט און פרייהייט. די וואָס אַנטשיידן זיך אַרויסצופאָרן, האָבן דאָ געהאַט בשפע אי ברויט, אי פרייהייט. די מאַטעריעלע לאַגע פון אַזאַ יורד דאָ, איז שוין גאָרנישט געווען אַזאַ שלעכטע, אַז ער זאָל דאַרפן אַלץ ליקווידירן און אַוועק. דאָס זענען גראָד אויפגעקומענע גבירים, דווקא דאָ, אין ישראל; די עכטע אָלרייטניקעס, וואָס האָבן געהאַט צו באַצאָלן נישט נאָר פאַר דער שיפס־קאַרטע, נאָר אויך אָפּגעשפּאָרט אַ היפשן קאַפּיטאַל. און גראָד דאָס האָט טאַקע געווירקט אויף דעם, אַז מען זאָל זיך געזעגענען מיטן לאַנד פון די אבות און מיטן לאַנד ווו זייערע קינדער האָט זיכער דערוואַרט אַ בעסערע צוקונפט ווי אין גלות.

איינער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז נישט שווער דעם יידן צו באַפרייען פון גלות, אָבער טיילמאָל איז אומעגלעך דעם גלות אַוועקצונעמען פון ייד – אַזוי איז ער אין אים פאַרוואָרצלט. פסיכאָלאָגן וואָלטן זיכער געהאַט אַ ברייט פעלד פאַר פאָרשונגען ביי יעדן יורד באַזונדער: ווי אַזוי אַזאַ ייד, אויפגעוואַקסן אין דער פרעמד, אין אַ כמעט פערמאַנענטער אַטמאָספער פון רדיפות און אפילו פּאָגראָמען, ביזן דערגיין צו גאַז־קאַמערן, האָט נאָכן היטלעריסטישן מבול צוריק באַקומען זיין נאַציאָנאַלן אינסטינקט, יידישן באַוווסטזיין און מענטשלעכע ווירדע, טראָגנדיק זיך אויף וועגן־אומוועגן קיין ארץ ישראל – צוריק צום פאָלק, צוריק צום לאַנד. און שוין־זשע האָבן זיי דאָס אַלץ פאַרגעסן? זענען זיי ווידער גרייט זיך איינצואָרדענען ביי יענעם אויף קעסט, אפילו ווען מען עפנט גאַסטפריינטלעך די טיר?

דוכט זיך, אַז נאָר דאָס געיעג נאָך געלט, נאָך אַ בעסער, באַקוועמער און מער לייכטער לעבן, האָט פאַרטושט זייער נאַציאָנאַל געפיל, אויסגעוואָרצלט דאָס פּינטעלע ייד און פאַרוואַנדלט אין היימלאָזע ציגיינער, וואָס דאַרפן פונדאָסניי זיך אָנהייבן ראַנגלען פאַר אַ שטיקל באָדן אונטער די פיס און פאַר א דאַך איבערן קאָפּ.

**ריכטיקע און פאַלשע טענות**

די עיקרדיקע טענות, וואָס מען הערט פון קאַנדידאַטן אויף ירידה און פון די וואָס האָבן זיך שוין פונדאַנען אָפּגעטראָגן, זענען, אין אַלגעמיין, צו דער מדינה און אירע אינסטיטוציעס; צו די שלעכטע באַאַמטע; צו דער צייטווייליקער אַרבעטלאָזיקייט; צו די שוועריקייטן פון דער שפּראַך.

אמת ויציב. די מעשה איז אָבער די, וואָס גענוי די זעלבע צרות און פּראָבלעמען, אַמאָל לייכטער, אַמאָל שווערער, דערוואַרטן זיי דאָך אין נייעם לאַנד. אין בראַזיל צי אין קאַנאַדע דאַרף מען זיך אויסגעפונען אַ דירה און באַשעפטיקונג. אין דייטשלאַנד צי אין אויסטראַליע מוז מען אויך זאָרגן וועגן אַ וווינונג און פּרנסה. און אין פראַנקרייך צי אין אורוגווײַ, דאַרף מען אויך צאָלן הכנסה־שטייער.

איינער פון די שלאָג־אַרגומענטן פון די מייַנסטע יורדים איז דער, אַז אין לאַנד איז צו גרויס די שטייערן־לאַסט. ווען נישט דער מס־הכנסה, וואָלטן זיי אייך געטאָן אַ טובה, נישט געמאַכט זיך הערן די שאָסן ביי די גרענעצן אָדער זיך באַמיט איינצולעבן מיטן כאמסין – און פאַרבליבן אין ישראל. בלויז די פאַרשאָלטענע שטייערן־שרויף קוועטשט צו שטאַרק, ממש דערשטיקט צו ווערן.

מעג מען ריזיקירן מיט אַ פעסטשטעלונג, אַז גראָד די דאָזיקע יידן האָבן זיך קיינמאָל נישט איבערגעצאָלט מיט שטייערן. פאַרקערט, זייער רוגזה־אויפן שטייער־אַמט איז דערפאַר, וואָס אין משך פון יאָרן האָבן זיי זיך אַרויסגעדרייט פון דערפילן יעטוועדע פינאַנסיעלע פליכט כלפּי דער מדינה. ערשט ווען מען האָט זיי געכאַפּט ביי דער האַנט און געפאָדערט דעם אַלטן חוב, באַזאַמען מיטן לויפנדיקן, זענען זיי מיטאַמאָל "קלאָר" געוואָרן אַלע שאָטן־זייטן פון דער מדינה...

**זייערע פאַרטיידיקערס — דאָס זעלבע**

מילא, לייגט זיך נאָך אויפן שכל הלמאי יעדער יורד זוכט אויס טויזנט און איין תירוץ אויף צו באַרעכטיקן זיין שריט. ווייל ער פילט, אַז ס'איז פאָרט נישט אין אָרדענונג וואָס ער פאַרלאָזט ישראל. און אין אַ וואָס שווארצער ליכט ער וועט פאָרשטעלן די מדינה, אפשר וועט ער זיך אַליין אַ ביסל אויסווייסן און פאַרגלעטן דעם האַרבן רושם פון זיין האַנדלונג.

נאָר אַז דער יורד זאָל האָבן זייַנע פאַרענטפערערס און אַדוואָקאַטן דווקא צווישן כנסת־דעפּוטאַטן און פאָרשטייערס פון פאַרטייען, וואָס האַלטן זיך פאַר נאַציאָנאַלע און אפילו פאַטריאָטישע, איז באמת שוער געוועגן זיך פאָרצושטעלן.

עס בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז סיי אין כנסת און סיי אויף אַ סימפּאָזיום אין תל־אביב, האָט דער "חרות"־דעפּוטאַט ב. אבניאל פאַרטיידיקט די יורדים, וואָס טאַקע די שטייערן־לאַסט און דער קליינער אונטערשיד פון די לוינען צווישן פשוטע און אַקאַדעמישע אַרבעטער, צווינגט זיי, נעבעך, צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. מיט דעם האָט דער פאָרשטייער פון אונדזער היימישער בורזשואזיע אָפּגעפּטרט דאָס פּראָבלעם ירידה. אנשטאט פאַראורטיילן די דעזערטירן פון אונדזער נאַציאָנאַלן פראָנט, יענע ציניקערס, קאָסמאָפּאָליטן און ניהיליסטן, וואָס זענען גרייט פאַר אַ טאָפּ לינזן צו פאַרקויפן די אייגענע מדינה; אנשטאט סטעמפּלען יענע יורדים, וואָס פאַרן פרייז צו פאָרן קיין בראַזיל, האָט מען זיך געשמדט אין אַ היגן קלויסטער און זיך אָנגעטאָן די צלמס אויפן האַלדז – וויל ב. אבניאל אַלץ צושפּיצן צו שטייערן און לוין־אונטערשיידן.

אויב די מדינה טראָגט אַ געוויסע שולד אין דער ירידה, איז עס נישט בשום אופן די שטייערן־פּאָליטיק לגבי די וואָס ווילן פאַרלאָזן דאָס לאַנד אָדער האָבן עס שוין פאַרלאָזט. אמת, אין ישראל איז פאַראַן אַ שווערע שטייערן־רעזשים, אָבער בלויז און אויסשליסלעך לגבי דעם לוין־אַרבעטער, דעם אָרעמען מיטלשטאַנד און לגבי די ווייניק־פאַרדינענדיקע. און אוודאי האָבן נישט פאַרלאָזט דאָס לאַנד די, וועמענס געהעלטער זענען קליינע...

אויב אָנווענדן דעם פּרינציפּ פון טיילן יעדערן וואָס אים קומט, דאַרף מען, אין קעגנזאַץ צו אבניאלן, סטעמפּלען קודם כל די יעניקע, וואָס אין געיעג נאָכן "גאָלדענעם קאַלב", לאָזט מען זיך מיט פרוי און קינד אויף נייע וואַנדערונגען. (וועגן מאָראַלישן פּרצוף פון באַשטימטע עולים דערציילט אַמבעסטן אַ בראָשור, וואָס דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן אין שיכות מיט

זיינער אַ גרונטלעכער סטודיום, דורכגעפירט דורך פּאַכמענער־פּסיכאָלאָגן. דערציילט זיך דאָרט צווי אַנד. אַז ״יענע וואָס האָבן באַשולדיקט ישראל אין מאָראַלישער געפאַלנקייט, האָבן ביי אַן אונטערזוכונג מודה געווען, אַז זיי האָבן נישט באַצאָלט קיין שטייערן און אָפּטמאָל אונטערגעזינדיקט אויפן שוואַרצן מאַרק״. מען טאָר אָבער אויך נישט פאַרזען די נעגאַטיווע מאָמענטן אין אונדזער מלוכהשן לעבן, וואָס האָבן געשאַפן דעם באָדן און אטמאָספער פאַר ירידה. מיר זענען דערגאַנגען צו אַזאַ אבסורד, אַז אין לאַנד פון גרויסע וויסטענישן און נאָך גרעסערע אויפגאַבן, פּרעדיקט מען קאַריערימז אנשטאט חלוציזם; אַז ס׳איז ביי אונדז מעגלעך געווען לאַנגע יאָרן אַ קאָאַליציע פון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי מיטן רעכטן לאַגער; אַז מען האָט דערלאָזט די רעליגיעזע באַוועלטיקן אונדזער עפנטלעך לעבן; אַז ס׳איז מעגלעך געווען די ליקווידאַציע בלויז פון דער אַרבעטער־שטרעמונג אינעם שול־וועזן, ביים גלייכצייטיקן פאַרווערן די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זייער טעטיקייט אין די שולן; און דאָס שטופּנווייזע אָפּזאָגן זיך פון יענע גרויסע אידעאַלן, וואָס זענען געווען דער וועגווייזער פון אַלע פריערדיקע עליות אין לאַנד.

... און טראָץ אלעמען מיינט ירידה (אין קעגנזאַץ צום וואָרט עליה) – באַרג־אַראָפּ, דעגענערירונג, צוריקטריט. נאָר אַזוי דאַרף מען קוקן אויף די וואָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אפילו ווען אויך די מדינה און געוויסע אירע וואָרטזאָגער טראָגן אַ באַשטימטע אחריות פאַר אַ דערשיינונג וואָס הייסט – אַנטלויפן פון ישראל.

(י״ש, ת״א 8.1.59)

# א דאך איבערן קאָפּ פאר דער נייער עליה—ווי אזוי?

פון עליה־פּראָנט טראָגן זיך פריילעכע און מונטערע ידיעות: אין יאָר 1959 זאָלן אַריינקומען אין לאַנד ביי א 50 טויזנט עולים. אנדערע ווי־דער האלטן, אז דער ציפער וועט זיכער גרייכן ביז 80 טויזנט – אויב נישט מערער! בלויז אין חודש דעצמבער האָבן אויפן פלי־פעלד אין לוד און אין חיפהער פּאָרט באַטרעטן צום ערשטן מאָל דעם ישראל־באָדן 5 טויזנט 700 עולים. דעם היינטיקן חודש ווערן דערוואַרט 7 טויזנט עולים. אלע פּלענער, קאַלקולאַציעס און בודזשעטן צעפאַלן זיך ווי קאָרטן־הייזלעך, אין אָנבליק פון דעם מעכטיקן שטראָם יידן וואָס רייסן זיך צו די ברעגעס פון היימלאַנד גראָד פון אַזעלכע מדינות, ווו די עליה־טויערן זענען ערשט נישט לאַנג געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. אויב פּאַראַפראַזירן דאָס באַרימטע ווערטל ״פלישתים עליך, ישראל״ – מעג מען איצט זאָגן: ״יידן אויף דיר, ישראל!״ עס קומען יידן פון נאָענט און פון ווייט, כדי זיך באַהעפטן מיטן אייגענעם לאנד און אייגענעם פאָלק.

**נישטאָ קיין יידישע שמחה אָן א טרער...**

איז דאָך טאַקע גוט פאַר יידן און גוט פאַר דער מדינה, ווייל איינער נייטיקט זיך אין צווייטן. די יידן אין דער מדינה, כדי אויסגלייכן דעם רוקן און אויפהייבן דעם קאָפּ, ווי עס פּאַסט פאַר איינעם, וואָס קומט צוריק אין זיין היים. די מדינה ווידער – אינעם ייד, כדי שטאַרקן איר מענטשלעכן, עקאָנאָמישן און מיליטערישן פּאָטענציאַל. און וואָס שנעלער און בעסער די מדינה וועט אויפנעמען די עולים, אַלץ לייכטער און עפעקטיווער זיי איינאָרדענען מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, מיט באַשעפטיקונג, מיט בילדונג פאַר די קינדער – אַלץ טרייער, ערלעכער און איבערגעגעבענער וועלן זיין די נייע בירגער צו זייער אויסגעטרוימטן אַלטניילאַנד.

נאָר אויפן אַלטן יידישן שטייגער, איז יעדע שמחה באַגלייט מיט אַ טרער. אָט פרייט זיך דאָס לאַנד מיטן צוריקקער פון אַ פאַרלוירענעם שבט – איז געקומען דער האַרבער אָנזאָג פון סוכנות־קאַסיר, אַז מען וועט זיך מוזן אומקערן צו די מעברות. דאָס זענען די טרויעריק־באַרימטע איבערגאַנג־לאַגערן מיט בלעכענע, הילצערנע און לייוונטענע באַראַקן, פּאַלאַטקע־געצעלטן און אַנדערע צייטווייליקע געביידן, ווו גרויסע טיילן פון די עליות אין די יאָרן 1948 – 1952 האָבן געוווינט אַ גאָר לאַנגע צייט און אַ טייל זיצן נאָך דאָרט ביזן היינטיקן טאָג. אַ צוריקגאַנג צו דער טרויעריקער לאַנדשאַפט פון באַראַקן־ישובים.

מיט איין וואָרט – דער בלויזער אָנזאָג פון צוריק אויפלעבן די מעברות, האָט עטוואָס פאַרשטערט די פרייד פון דער עליה.

**פון האַנט צום מויל**

ערשט די טעג האָט די בשותפותדיקע שיכון־קאָמיסיע פון דער רעגירונג און סוכנות באַשלאָסן אויסצוגעבן דריי מיליאָן ל״י אויף צו רעמאָנטירן די פאַראַנענע באַראַקן. אויך האָט מען אָנגעהויבן בויען 100 דירות־אײנהייטן אין אַסבעסט־הײזער און אויף נאָכאַמאָל אַזויפיל וווינונגען וועט מען בקרוב פאַרלייגן פונדאַמענטן. און ביז וואָס־ווען, איילט מען זיך אויפצושטעלן בלעך־באַראַקן מיט געגאָסענע בעטאָן־פּאָדלאָגעס, ווי צייטווייליקע וווינונגען פאַר 1000 משפחות. דער אָנזאָג פון דב יוסף הייבט אָן פאַרווירקלעכט צו ווערן. מען גייט צוריק צום סיסטעם פון צריפונים, פחונים, בדונים, וואָס גיט דעם עולה אַ געפיל פון צייטווייליקייט. ביים אויפנעמען דעם באַנייטן עליה־שטראָם, לעבט מען דערוויל חיה־שעה, פון האַנט צום מויל. אמת, דער צוזאָג איז: מער ווי דריי חדשים וועט מען נישט האַלטן די עולים אין אַזעלכע וווינונגען. אַ באַוויז, אַז 4000 סטאַבילע דירות זענען שוין אינמיטן בויען און נאָך 3000 וועט מען אָנהייבן בקרוב.

ריכטיק איז, אַז קיין סך געלט אויף לייטישן שיכון — איז טאַקע נישטאָ. ווייל די 20 מיליאָן ל״י פון דער ״פּרייווויליקייט״־הלוואה, דאַרפן קלעקן אויף בלויזע רייזע־הוצאות פאַר די עולים. דער מגבית אין אַמעריקע האָט אין יאָר 1958 עטוואָס אַנטוישט. בלויז 55 מיליאָן ל״י זענען געזאַמלט געוואָרן, אָנשטאָט 73 מיט א יאָר פריער. מען זאָגט פאָר אַ גרעסערע זאַמלונג אין יאָר 1959 און אַן אויסעראָרדנטלעכן קאַמפּיין, וואָס זאָל אַריינברענגען נייע 100 מיליאָן דאָלאַר. אָבער דערוויל פילט זיך אַן ערנסטער מאַנגל אין געלט אויף בוי־צוועקן. מה מען אָנקומען צו צייטווייליקע, הגם אַלטע, און אַפילו פאַרעלטערטע לייזונגען, ווי אין די ערשטע דריי יאָר פון דער מדינה. אויך צו יענער צייט איז נישט געווען די נייטיקע דערפאַרונג, די אַנטשפּרעכנדיקע געלט־מיטלען און אפשר אויך די איניציאַטיוו און ווילן צו ראַדיקאַלע און באַלדיקע לייזונגען. האָט מען פון קריית־שמונה ביז באר־שבע צעוואָרפן מעברות, ממש אָן אַ פּלאַן און אָן אַ צוועק. די איינוווינער פון די דאָזיקע אייגנאַרטיקע ישובים זענען אויפן געביט פון באַשעפטיקונג און אַרבעט־פּלעצער איבערגעלאָזט געוואָרן דער אייגענער איניציאַטיוו און דעם... גורל. מיט דער צייט האָבן טאַקע די מעברות זיך אָנגעהויבן אויסליידיקן און דער דאָזיקער ליקווידאַציע־פּראָצעס ציט זיך ביזן היינטיקן טאָג. אָבער די באַצייכענונג מעברה האָט קיינמאָל נישט אַרויסגערופן סימפּאַטישע רעזאָנאַנסן ביים ישראל־בירגער. דאָרט, האָט מען געוווסט, וווינט ״די צווייטע ישראל״ — די באַעוולהטע, דיסקרימינירטע און וועגעטירנדיקע.

נאָר אויב דער קאָסיר פון דער סוכנות מעג זיך אומקערן צום אַלטן, דורך זוכן פּאַליאַטיוווע לייזונגען, פאַרוואָס זאָל אויך אונדז נישט זיין דערלויבט ווידער אַרויפברענגען אַ פאַרגעסענעם פּלאַן וועגן שיכון פאַר עולים, אַ פּלאַן, פאַר וועלכן זיין מחבר, יצחק יצחקי ז״ל, האָט מיט אַזאַ ברען און אייפער געקעמפט — נאָר צום באַדויערן, אָן דערפאָלג?

**דער עקספּערימענט רמת־השרון...**

גראָד י. יצחקי, אַ ותיק אין לאַנד, וואָס האָט עולה געווען נאָך אין יאָר 1920, און זיך פאַרוואָרצלט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, איז געווען דער ערשטער און איינציקער, וואָס האָט ביזן גרונט דערזען און דערלערנט דאָס פּראָבלעם, וואָס הייסט פּאָלקסטימלעכע מאַסן־עליה נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. נאָר אַמיינסטן האָבן אים אויפגערודערט די איינוווינערס פון די מעברות. ער האָט נישט אויסגעפונען קיין שום באַרעכטיקונג צו האַלטן איןביידלעך צענדליקער טויזנטער מענטשן במשך לאַנגע יאָרן. מיט פשטות און קלאָרקייט האָט יצחקי אויפגעוויזן, אַז מיט גאָר באַשיידענע געלט־מיטלען איז מעגלעך אַ באַלדיקע און ראַדיקאַלע לייזונג פונעם וווין־פּראָבלעם פאַר די עולים, אויב:

די רעגירונג און סוכנות וועלן פאַרן עולים־שיכון באַפרייען דעם באָדן, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן די באַזונדערע מוניציפּאַליטעטן;

אויב די רעגירונג און סוכנות וועלן אויסטיילן בוי־מאַטעריאַלן אויפן אָפּיציעלן פּרייז, אָן די פיל שטייערן, מיט וועלכע ס׳זענען באַלעסטיקט די בנין־אַרטיקלען;

אויב די הסתדרות וועט געבן הילף און פּאַכמענישע אָנפירונג;
אויב די מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע בענק וועלן אויסטיילן ביליקן און באַקוועמען קרעדיט.
און צו דעם אַלעמען –
די עולים גופא זאָלן זיין די בויערס פון זייערע דירות.
גערעדט און געטאָן!

עטלעכע משפּחות אין דער מעברה רמת השרון, האָבן דעם 18טן מאי 1952 געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר זייערע וווינונגען אויף באָדן, וואָס די אָרטיקע מוניציפּאַליטעט האָט אויסגעטיילט פאַר דעם צוועק. און דעם 5טן יולי אין זעלבן יאָר, איז פאָרגעקומען דער חנוכת־הבית פון די ערשטע הייזקעס, וואָס זענען אין די ראַמען פון אַליין־געבויטן שיכון איבערגעגעבן געוואָרן די עולים. בלויז 450 ל״י מזומן, אַ 60 – 70 אַרבעטס־טעג פון די עולים גופא, די פּאַכמענישע אָנפירונג פון אינזשעניער בנימיני און דער יצחקי־פּלאַן – האָבן געזיכערט די מעברות־איינוווינער אַ סטאַבילן, ביליקן און שנעלן דאַך איבערן קאָפּ: 2 צימערן, באַקוועמלעכקייטן, אַ געביידע פאַר אַ הילפס־ווירטשאַפט.

דער עקספּערימענט רמת־השרון איז געלונגען, אָבער דער פּלאַן האָט נישט געהאַט קיין טרעגערס און פאַרווירקלעכערס. די סוכנות און רעגירונג האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקן אינטערעס. די הסתדרות איז דער ענין נישט אָנגעגאַנגען. עטלעכע יאָר פאַרן טויט פון י. יצחקי (סעפּטעמבער 1955), איז דער דאָזיקער פּלאַן באַגראָבן געוואָרן ענטגילטיק.

**... און די לעקציע פון יד־המעביר**

וואָלט דעריבער געווען אַ יושר צו דערמאָנען איצט ווידער וועגן דעם יצחקי־פּלאַן פון אַליין־געבויטן שיכון. און נישט נאָר דערמאָנען – נאָר בפירוש פאָדערן זיין רעאַליזירונג. און אויב די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן דירות־בוי פאַר עולים קווענקלען זיך (ווי פריער) מיטן פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעע, טאָ פאַרוואָס, ווינציקסטנס, נישט אַדורכפירן איינעם אָדער מערער פּרוּוון?

אָט איז מיט צוויי טעג צוריק אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער שטרייק פון די מעברה־איינוווינער אין יד־המעביר. זיי פאָדערן אַ מענטשלעכן דאַך איבערן קאָפּ. און דאָס קומט זיי, אָן שום ספק. שוין צען יאָר צייט עקזיסטירט די דאָזיקע מעברה מיט אירע בלעכענע און הילצערנע באַראַקן. די לעצטע רעגנס און ווינטן האָבן געריסן דעכער און איינגעלייגט ווענט. ווי באַוווּסט, געהערט יד־המעביר צו תל־אביב, די שטאָט וואָס וואַקסט ווי אויף הייוון מיט אירע לוקסוס־אַרטיקע און קאָסטבאַרע דירות.

איז טאַקע שווער צו באַפרייען דעם באָדן פון יד־המעביר פאַר שיכון? און וואָס וואָלט פּאַסירט, אויב די רעגירונג זאָל איינמאָל מוותר זיין פון די הויכע שטייערן אויף בוי־מאַטעריאַלן און זיי לאָזן אויף אמתדיק ביליקע פּרייזן? און פאַרוואָס זאָל די הסתדרות נישט אַנגאַזשירן עטלעכע אינזשעניערן און בוי־טעכניקערס אויפצושטעלן אַ סטאַבילן, אַנשטענדיקן און מענטשלעכן וווין־קוואַרטאַל פאַר עולים מיט אַ צעניאָריקן מעברה־סטאַזש?

אונדז שיינט, אַז די איינוווינער פון יד המעביר, וואָס האָבן היינטיקן זונטיק אַרויסגעוויזן אַזויפיל ענערגיע און פאַרביטערונג, אָפּשליסנדיק אַלע וועגן צו און פון דער מעברה, וואָלטן געווען צופרידענער, ווען מען גיט זיי דעם שאַנס אויפצושטעלן פאַר זיך זעלבסט אַ באַקוועמע וווינונג אויף באַקוועמע באַדינגונגען.

די לעקציע פון יד־המעביר האָט בלויז דערמאָנט וועגן אַן אָנגעווייטיקטע פראַגע פון נאָך אַלטע מעברות און איז גלייכצייטיק אַ וואָרענונג לגבי די נייע מעברות, וואָס די סוכנות גרייט זיך ערשט אויפצושטעלן. דער עקספּערימענט רמת־השרון, אַדורכגעפירט דורך אַ יחיד, אַפילו אַן ענטוזיאַסט און אידעאַליסט, האָט נישט באַקומען קיין תיקון. אָבער אַזאַ עקספּערימענט אין יד־המעביר, אַדורכגעפירט דורך דער רעגירונג, סוכנות, הסתדרות און די עולים גופא – וועט זיכער מצליח זיין.

און דאָס דאַרף געטאָן ווערן וואָס פריער, איידער מען באַנייט די שלעכטע טראַדיציע פון מעברות.

(י״ש ת״א, 15.1.59)

# אומצוטרוי די פוטשיסטן

די פריש־געבאַקענע ריטערס פון דער ישראלדיקער דעמאָקראַטיע – מנחם בעגין עט קאָמפּאַני – האַלטן אין איין דערלאַנגען אינטערפּעלאַציעס. מיטאַמאָל איז זיי נאָענט געוואָרן די אידעע פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע. גראָד זיי ציטערן, מען זאָל נישט אַמאָל אַדורכפירן אַן איבערקערעניש אין דער מדינה. ערשט פאַריקע וואָך ווי "חירות" האָט איינגעלייגט וועלטן, אין שייכות מיט דער ידיעה אין אַ נאָכמיטאָג־צייטונג, אַז אויף דער זיצונג פון צ.ק. מפא"י האָט דער פּרעמיער דערציילט, אַז ערב די וואַלן צו דער דריטער כּנסת, האָט מען אים פאָרגעלייגט איבערצונעמען די מאַכט אויף נישט־לעגאַלע וועגן. דערהערט אַזאַ נייעס, האָבן די געשוווירענע אָנהענגערס פון פוטש און אַוואַנטורע, די פרינציפּיעלע קעגנערס פון דעמאָקראַטיע, מיטאַמאָל זיך אָנגענומען די קריוודע פון אונדזער פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, וואָס האָט געזאָלט ליקווידירט ווערן דורך אַ גרופּע פּאַרטרויונגס־מענער פונעם מפא"י־פירער און אים שטעלן בראש פון אַ נאָמינירטער רעגירונג. דעריבער איז גערעכט געווען בן־גוריון אין זיין ענטפער צו מנחם בעגין אין כּנסת, אַז זיין פּאַרטיי האָט נישט קיין מאָראַלישע רעכט צו אינטערפּעלירן אין אַזעלכע ענינים, כּל־זמן "חירות" איז אַ סעפּעראַטיסטישע באַוועגונג, וואָס ברעכט זיך תּמיד אויס פון דער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין. דער פּרעמיער האָט זיך דערביי באַנוצט מיטן ביישפּיל פון דער "אַלטאַלענאַ"־שיף, וואָס איז אין סאַמע ברען פון דער באַפרייונגס־מלחמה, געבערענגט געוואָרן דורכן דעמאָלטיקן אצ"ל צו די ברעגעס פון יפו, כּדי אויסלאָדן געשמוגלט געווער און עס באַנוצן... קעגן דער לעגיטימער רעגירונג פון דער אָקערשט־אַנטשטאַנענער מדינת ישראל.

מיט זיין ריכטיקן ענטפער דעם וואָרטזאָגער פון דער ישראלדיקער רעאַקציע, האָט אָבער דער מנהיג פון מפא"י נישט אויפגעקלערט און פאַרענטפערט דעם עצם־פאַקט פון ווענדן זיך צו אים בנוגע אַ פאַרשווערונג. פאַרקערט, דאָס אָפּלייקענען אין כּנסת דעם ענין (וואָס לויט די פּרעסע־אינפאָרמאַציעס האָט ער אים יאָ באַרירט אויף דער זיצונג פון צ.ק. מפא"י), האָט בלויז פאַרטושט דעם פאַקט פון אַזאַ ווענדונג – אויב זי איז טאַקע געווען...

נאָר דאָס האָט שוין נישט אינטערעסירט "חירות". זיי איז בלויז געגאַנגען אינעם כּבוד פון דעם דורכגעפאַלענעם און קאָמפּראָמיטירטן געוועזער־טראַנספּאָרט מיט 11 יאָר צוריק – און אויף אַ נאָווינע האָבן זיי אַריינגעטראָגן אַן אומצוטרוי־וואָטום דער רעגירונג, צוליב פּרעסטיזש און כּבוד פאַר יענע פוטשיסטן, וואָס האָבן געוואָלט אַריינרוקן אַ מעסער אין רוקן דער יינגער מדינה, וואָס איז דאַן אָנגעגריפן געוואָרן פון פינף אַראַבישע מדינות. די פּאַרטיי פון סאָציאַלער דעמאַגאָגיע האָט באַקומען אַ כּשר־פאַרדינטן ענטפער פון אונדזער כּנסת, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן דעם אומצוטרוי־פאָרשלאַג פון חירות.

נישט אַלע כּנסת־דעפּוטאַטן האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען די געפאַר פון אַזעלכע חירותישע אינטערפּעלאַציעס, הגם ס'איז נאָך צו פאַרשטיין דאָס אָפּהאַלטן זיך פון שטימען מצד די אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס וואַרטן אפשר אויף אַ זיווג מיט בעגינס פּאַרטיי. אויך די רעליגיעזע האָבן נישט געוואָלט שטימען מיט דער רעגירונג, זייענדיק אויסער איר, בפרט נאָך, אַז אונדזער היימישער "פירער" האָט פונקט אַזוי גענומען פאַרטיידיקן דעם הרב ניסים, ווי ער פאַרטיידיקט די דעמאָקראַטיע... אין דעם געזינדל פון די אָפּגעהאַלטענע, האָט אויך נישט געפעלט מק"י, וואָס בדרך כּלל שטימט זי שטענדיק מיט "חירות" קעגן דער רעגירונג.

די אָפּשטימונג אין כּנסת מיט צוויי טעג צוריק איז דעריבער געווען אַן אומצוטרוי און וואָרענונג די פוטשיסטן פון אַלע לאַגערן.

(י"ש ת"א, 15.1.59)

# מיט נייע עולים

דאָסמאָל זיצט מען אין אַ פּריוואַטער שטוב, ביי אַ טיש, וואָס איז פאַרשפּרייט מיט א שבתדיקן טישטעך. ביי א דריי צענדליק עולים זענען געקומען זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ און אויך הערן דעם גאַסט. קיין פּאָליטישער רעפעראַט, קיין קעסטל־שמועס פון פראַגן און ענטפערס, קיין אויפגעבלאָזענע פּראָפּאַגאַנדע – נאָר דברים יוצאים מן הלב. פּשוטע, מענטשלעכע רייד וועגן שוועריקייטן, ביוראָקראַטיע, אַ ביסל "ראַסיזם", דאגות פרנסה, פּראָטעקציע.

און איבער אַלעמען: דער קליינער פאַרדינסט און די גרויסע שטייערן. ממש – הויטשינדעריי. עס ווילט זיך נישט גלייבן, קוים טרייבט ער איבער. איך בעט די קבלה. ער פילט זיך נישט באַליידיקט. פאַרקערט, ער איז צופרידן וואָס זיינע ווערטער וועט ער קאָנען באַקרעפטיקן מיט זאַכלעכע באַווייזן. ער לויפט אַוועק אַהיים און נאָך אַ צען מינוט קומט ער צוריק מיטן באַקאַנטן צעטל, די א.ג. "לאָקש" – דאָס לאַנגע, שמאָלע פּאַפּירל, וואָס אַ ישראלדיקער אַרבעטער באַקומט, צוזאַמען מיט די שווער אויסגעהאָרעוועטע גראָשנס. איינמאָל און נאָכאַמאָל לייען איך איבער די ציפערן צי כ׳האָב נישט קיין טעות. איך הייב אפילו אָן איבערצושרייבן די סומען אין די באַזונדערע רובריקן. פאַר 14 טעג אַרבעט וואַקסט אויס אַזאַ חשבון:

דער לוין איז "דחק" – העכער 6 ל"י אַ טאָג. צוזאַמען דאַרף דער אַרבעטער אָפּנעמען 97 ל"י. נאָר יעדער בוכהאַלטערישער חשבון האָט זיך זיין דעבעט און קרעדיט. פון די בידנע 97 ל"י נעמט מען ערשט אַראָפּרעכענען: פאַר קרן בטוח – 3.910 ל"י; פאַר בטוח לאומי – 1.970 ל"י; מס־אחיד (הסתדרות) – 7.270 ל"י; קרן־קימת 0.140 ל"י. צוזאַמען – 12.690 ל"י. אַז איר וועט נאָך צו דעם צוגעבן די נסיעה צו און פון דער אַרבעט, פאַר וועלכע דער "אגד" נעמט זיך זיינע 400 פּרוטות, באַקומט זיך אַ קיימא־לן פון נאָך 5.600 ל"י פאַר די בלויזע רעדער.

– וויפל־זשע האָט איר אָפּגענומען ריינע געלט פאַר די 14 טעג אַרבעט?

– אדרבה, מן־הסתמא קענט איר בעסער פון מיר רעכענען. מאַכט דעם חשבון.

כ׳בין נישט זיכער, צי כ׳בין אין מאטעמאַטיק שטאַרקער פון מיין מיטשמועסער. נאָר כ׳צי אונטער אַ סך־הכל. 80 ל"י פאַר העכער צוויי וואָכן אַרבעט. 5 ל"י מיט 70 גרוש פאַר איין טאָג. און דערפאַר דאַרף מען צאָלן דירה־געלט, אַ ראַטע אין באַנק, קויפן אַ בוך פאַרן קינד אין שול, פאַריכטן אַ שוך, רייכערן.

– וואָס־זשע בלייבט אויף עסן?

– מיר זענען פיר מיילער אין שטוב – קומט אַן ענטפער.

כ׳בין געפּלעפט. נישט בלויז פונעם דחק־פאַרדינסט. אָבער די שטייערן? גענויער – די באַשטייערונגען? ווייל קיין הכנסה־שטייער צאָלט ער נישט, דער פועל־דחק. נאָר ווי קומט עס, אַז פון אַזאַ מאָגערן און נעבעכדיקן לוין, זאָל דער קרן בטוח און בטוח־לאומי (פאַרוואָס עפּעס צוויי מאָל בטוח?!) אַראָפּנעמען קאַרגע 6 ל"י? און מוז טאַקע די הסתדרות זיין אַזאַ אָנגעזעענער שותף צו דעם מ׳שטיינס־געזאָגטן פאַרדינסט און זיך דערלויבן אַראָפּ־צורעכענען העכער 7 ל"י (מערער ווי אַ טאָג?). און וואָס איז מכוח די 14 גרוש פאַרן קרן־קימת?

דער מיינסטער טייל אַרבעטער־וותיקים ווייסט נישט וועגן דער אמתדיקער לאַגע פון זיינע דחק־קאָלעגן. און די לעצטע ווידער דערלויבן זיך דאָ און דאָרט אויף ספּאָנטאַנע אויסברוכן, נישט אויסלאָדנדיק די אָנגעזאמלטע פאַרביטערונג אין די אַנטשפרעכנדיקע אַרגאַניזאַציאָנעלע און אידעיש־פּאָליטישע ראַמען.

נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם געדאַנק וועגן לוין און שטייערן פונעם דחק־אַרבעטער – און ווידער אַ פראַגע, גענויער – אַ טענה:

– אין דער לשכה איז דאָך צומאָל שווער צוצוקומען צום פענצטערל. מען לאָזט נישט צו. ביים פאַרטיילן די אַרבעט, זיצט אַ "פּערסישער". האָט ער אינזינען נאָר זיינע. און נישט איינמאָל פּאַסירט, אַז איך, אַ פּוילישער, האָב שוין אַרויסבאַקומען דאָס צעטל צו דער אַרבעט – לאָזט מען מיך נישט

אַרויף אויפֿן אויטאָ וואָס קומט נעמען די אַרבעטער. נאָר זייעריקע שטרעקט מען הענט און מ׳העלפֿט זיי אַרויפֿקריכן אויפֿן וואָגן. מיך האָט מען אַוועקגעשטויסן פֿון דער מאַשין. קיינער איז נישט געווען פֿון דער הסתדרות צו האַלטן אָרדענונג. אַלץ איז דאָ איינגעשטעלט אויף באַלאַגאַן, פּויסטן און ״ראַסן״־קעגנזאַצן. אַ טייל פֿון אונדז פֿאָרן אויסערן שטעטל זוכן דחק־אַרבעט – און צום גליק געפֿינען מיר זי. אַ נישט, וואָלט געווען ביטער. פֿאַרוואָס מישט איר זיך נישט אַריין? פֿאַרוואָס שרייבט מען נישט וועגן דעם אין די צייטונגען?

איך זאָג צו אָנצושרייבן אין צייטונג, וואָס וועט שוין אויך זיין אַן אַריינמישונג. זיי זענען מסכים. נאָר צי וועט דאָס העלפֿן? די דאָזיקע נייע עולים ווייסן, אַז ביי אונדז אין לאַנד איז טאַקע אַ דעמאָקראַטישער רעזשים, זיי אַליין זענען גרייט צו קריטיקירן די רעגירונג און ירושלים, דעם וועד־הפועל פֿון דער הסתדרות אין תל־אביב, אלמוגין אין חיפה פֿאַר זיינע וואַל־רעפֿאָרמעס און דעם רב אין פּרדס־חנה פֿאַר הייסן באַגראָבן הינטערן פּלויט אַ נישט־געמלט קינד. זיי זענען אָבער הילפֿלאָז לגבי דעם אָרטיקן ״באָס״: צי איז דאָס דער ראש פֿון דער מועצה, דער סעקרעטאַר פֿון דער הסתדרות אָדער דער אַלמעכטיקער אַרבעט־פּאַרטיילער פֿון דער לשכה. די דאָזיקע יידן פֿירן זיך ווי תקיפֿותדיקע גבאים אין די קליינע שטעטלעך פֿון פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן. זיי לעבן נישט מיטן פֿאָלק, נעמען זיך נישט איבער מיט די נויטן און ליידן פֿונעם אָקערשט־געקומענעם עולה, פֿאַר וועמען אַ גוט וואָרט, אַ טרייסט, אַן עצה, אַן אויסגעשטרעקטע האַנט – וואָלטן געווען פֿיל וויכטיקער און באַדייטנדיקער ווי עטלעכע טעג אַרבעט. אָבער די פּיפּידוּוקע־הערשער קימערט גאָרנישט. הינטער זיי שטייט דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט און די ביוראָקראַטיע.

און ווידעראַמאָל – דחק. זאָגט אַן עולה פֿון רומעניע:

– דאָס וואָס איך טו, איז דאָך אַ נאָרמאַלע אַרבעט, פֿאַר וועלכער כ׳וואָלט באַדאַרפֿט באַקומען אַן אנשטענדיקן לוין און נישט קיין דחק־לוין. וועלכער איינשטיין האָט דאָס צוגעטראַכט?

איך דערצייל אים בקיצור די געשיכטע פֿון חולון, ווען דער אָרטיקער אַרבעטער־ראַט האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק מסכים געווען אויף אַ רעדוצירטן לוין ביי עפּנטלעכע אַרבעטן און וועגן דעם מוטיקן קאַמף וואָס דער מפּ״ם־פֿאָרשטייער האָט געפֿירט, אַז מפּא״י האָט אים אויף כוח באַזייטיקט פֿון זיין אַמט.

די־אָ געשיכטע איז פֿאַר אים, ווי פֿאַר די אַנדערע – אַ נייעס. נישט אַלע זענען אויסגעקאָכט אין דער היגער פּראָבלעמאַטיק פֿון פּאַרטייען און גרויסן געראַנגל פֿאַרן כאַראַקטער פֿון דער מדינה. די ״אומפּאַרטייאישע״ און ענג־פּאַרטייאישע צייטונגען אין די שפּראַכן פֿון די עולים, פֿאַרגרעסערן בלויז דעם כאַאָס און פּלאָנטער און דער עיקר – גראָד די בויענדיקע, חלוצישע כוחות, ווערן דאָרט פֿאַרגעשטעלט אין אַ פֿאַלש ליכט.

נישטאָ פֿאַר די עולים די אַנטשפּרעכנדיקע טאָג־פּרעסע, די קולטור־אונטערנעמונגען, די פּאָליטישע אימפּרעזעס, וואָס זאָלן אים דערציען און אינפֿאָרמירן, לערנען און אָנרעגן, געבן צו פֿאַרשטיין און דערלויבן אים אויך צו משפּטן. גראָד די הסתדרות, וואָס וואָלט געהאַט אַזאַ ברייט פֿעלד פֿאַר דערציערישער טעטיקייט – שווייגט.

אָבער די עולים שווייגן נישט. דערפֿאַר איז טיילמאָל שווערלעך אויף אַזעלכע צוזאַמענטרעפֿן. און ס׳מוז אַוועקגיין אַ פּרשה אויפֿקלערונג: וואָס מיינט אַ חלוצישער רעזשים אין דער מדינה; ווער איז דער טרעגער פֿון דער דאָזיקער לאָזונג; וועגן דעם האַרבן געראַנגל אינערהאַלב דער רעגירונג, אין כנסת און הסתדרות, פֿאַר אָפּשאַפֿן דעם דחק־לוין, פֿאַר אַ יושרדיקער שטייערן־פֿאַרטיילונג, פֿאַר אַ פּראָדוקטיווער קליטה. די צוהערערס זענען אויפֿמערקזאַם. דו פֿילסט, אַז זיי ווערט גרינגער אויפֿן האַרץ און לייכטער אויף דער נשמה, אַז מען רעדט זיך אַדורך חבריש, שטיל און מען קלערט אויף ענינים.

ווייל אויפֿקלערן – מיינט פֿאַרשטיין. און פֿאַרשטיין הייסט געפֿינען דעם ריכטיקן וועג, נאָך די שווערע אַנטוישונגען דאָרט און נאָך די ערשטע האַרבע איבערלעבונגען דאָ.

(י״ש ת״א, 29.1.59)

# פון דאָרפס־יידן ביז אַן אייגן פויערטום

300 דעלעגאַטן פון 32 לענדער באַטייליקן זיי איצט אין ירושלים אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ — אַ מין סימפּאָזיום אַרום פראַגן פון אַגריקולטור, מעליאָראַציע, פיש־פאַנג, באָדן־קאָנסערוואַציע, קינסטלעכע באַמיסטיקונג, פי־צוכט, מעכאַניזאַציע און אַנדערע פּראָבלעמען פון ערד־באַאַרבייטונג און שפּייז־אַרויסבאַקום. לענדער מיט טויזנטיאָריקער אַגראַר־טראַדיציע, מיט אַ פאַרוואָרצלט פויערטום און טעכניש־אַנטוויקלטער לאַנדווירטשאַפט, האָבן געשיקט זייערע מיניסטאָרן און ספּעציאַליסטן צו לערנען אונדז פון זייערע דערפאַרונגען, אָבער דער עיקר — אויך געניסן פון די ישׂראלדיקע דערגרייכונגען אויף דעם שטח און גלייכצייטיק אָפּגעבן כבוד און אָנערקענונג דעם יינגן, אָבער שטאַרק אַנטוויקלטן און טיף־פאַרוואָרצלטן יידישן פויערטום אין דער יידישער מדינה.

ספּעציעל אינעם לעצטן יאָר, דעם שנת העשור פון דער מדינה, וואָס איז געווען אַזוי רייך מיט אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענקונפטן, סעמינאַרן און אויך באַזוכן פון הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן, איז אפשר נישט קיין נאָווינע נאָך איין קאָנפערענץ ווי די וואָס פירט איצט אין דער הויפּטשטאָט פון ישׂראל אירע פּרוכטבאַרע דעבאַטן. עס וואָלט אָבער געווען אַן עוולה צו פאַרזען אָדער פאַרקלענערן די קאָלאָסאַלע חשיבות פון דער איצטיקער קאָנפערענץ, וואָס שפּיגלט אָמבעסטן אָפּ אונדזער גרויסע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע פאַר די לעצטע 80 יאָר — אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט אַ באָדנלאָזן פאָלק פאַרוואַנדלט אין פויערים, אין ערד־אַרבעטער, אינעם ריכטיקן "המוציא לחם מן הארץ", וואָס שטייט פעסט מיט ביידע פיס אויפן באָדן, באַאַרבעט אים מיט זיין שווייס און פּראַצע, דעמאָנסטרירנדיק צום וויפלטן מאָל, אַז נאָר אויף אייגענער ערד איז מעגלעך געווען די דאָזיקע איבערקערעניש.

די יידישע מאַסן אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פּוילן זענען געווען נאָענט צום דאָרף, ממש שכנים, ווי איינוווינערס פון טויזנטער קליינע שטעטלעך און ישובים אַרום די דערפער. אָבער ווי ווייט זענען זיי געווען פון דער באַשעפטיקונג און מענטאַליטעט פון יענע מענטשן פון אונטער די שטרויענע דעכער, וואָס האָבן באַאַרבעט דאָס פעלד, געהאָדעוועט גערטנער און סעדער, פאַרנומען זיך מיט דער קי־שטאַל און הינער־שטייג. ביי זיי איז דאָס געווען דער תמצית פון זייער לעבן, בעת יידישע פאַרבינדונג מיטן דאָרף האָט זיך אויסגעדריקט אין פּעדלעריי, אינעם נעבעכדיקן, גראָשעדיקן האַנדל: אויסטוישן אַ ביסל גאַלאַנטעריע, זאַלץ און ליכטלעך אויף אייער, פּוטער, אַ קעלבל צי אַ קעזל. פון זונטיק פרי ביז פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט אַזאַ דאָרפס־ייד וואַנדערן פון כאַטע צו כאַטע, זיין אויסגעשטעלט אויף בייזע הינט און אַמאָל — אויף נאָך בייזערע מענטשן. מיט אַ צעבראָכענעם פּויליש, רוסיש צי אוקראַיניש (און צעבראָכן האַרץ) האָט ער פאָרגעלייגט זיין "סחורה": פון אַ האָרנאָדל ביז אַ פּאָר שיך, אָדער זיך אַוועקזעצן נייען אַ פּויערישע בעקעשע, צי לייגן זוילן אויף אַ פּאָר שטיוול. אַלעמאָל — אין אַן אַנדערע שטוב. אַפילו אונדזער טוביה דער מילכיקער, דער דאָרפישער העלד פון שלום־עליכם, האָט זיך באַשעפטיקט בלויז מיטן פונאַנדערפירן מילך, פּוטער, סמעטענע און קעז פונעם אייגן קועלע, וועגן וועלכע ער פלעגט אָפטמאָל זאָגן: "מעלקן מעלקט זי זיך יאָ — נאָר קיין מילך גיט זי נישט".

אויף פרעמדער ערד האָבן יידן געטרוימט וועגן אייגענער ערד. אַפילו באַראָנען, ווי הירש און ראָטשילד האָבן פאַרשטאַנען, אַז איבערבויען דאָס יידישע לעבן, קאָן נאָר געמאַכט ווערן אויף ערד. דערפאַר זייערע אינוועסטיציעס און אָנשטרענגונגען פאַר דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל און אין אַרגענטינע. פון די ביידע (און נאָך איינע — ביראָבידזשאַן), איז געבליבן דער היגער באָדן, וווּ עס האָט זיך אָפּגעשפּילט איינע פון די גרעסטע רעוואָלוציעס אין אונדזער צייט: אַריבערפירן במשך אַכציק יאָר, דורך טויזנטער מכשולים און שטערונגען, יידן פון 70 לענדער און כמעט אַזויפיל קולטורן, טראַדיציעס און שפּראַכן, מיטן פעלן בלויז פון איין טראַדיציע, פון ערד־אַרבעט — אין אַ וויסט, פאַרוואָרלאָזט לאַנד, מיט האַרטן, אומבאַאַקערטן באָדן, מיט קנאַפּע וואַסער־רעזערוון — נאָר מיט אַ סך מאַלאַריע־מיקראָבן, מיט לויערנדיקע געפאַרן מצד אַן

אומפריינטלעכער באַפעלקערונג און אייגענער עם־הארצות אין אַגריקולטור ענינים.

וויפל צייט טיילט דען אָפּ בסך־הכל פון יענע ערשטע ביל״ו־מענטשן, וואָס זענען אַוועק אויף דער ערד פון דער היינטיקער רחובות און ראשון־לציון; פון די פון דער צווייטער עליה, וואָס האָבן מיט ציין און נעגל זיך איינגעגעסן אין דער ערד פון גליל: פון די פון דער דריטער עליה, וואָס האָבן מיט זייער מי און שווייס באַפרוכפּערט די פעלדער און גערטנער פון עמק און השרון, פון דרום און צפון פון לאַנד? עס פעלט נאָך גענוג צו איין יאָרהונדערט פון יענעם בראשית – און שוין שטייט די וועלט אַ פאַרגאַפטע, אפשר מערער פון אונדז גופא, אַרום דעם פענאָמען וואָס הייסט - יידישע לאַנדווירטשאַפט אין ישראל.

עס ווילט זיך שטאַרק דערלאַנגען טרוקענע ציפערן. זיי זענען אָבער עלול צו פאַרווישן עטוואָס דאָס פּרעכטיקע בילד פון די בליענדיקע (און למען האמת - אויך זיך ראַנגלענדיקע) קיבוצים און מושבים, דערפער און פאַרמס, פעלדער און וועלדער, פיש־אָזערעס און ציטרוס־פּלאַנטאַציעס, גרינס־גערטנער און פרוכט־סעדער, וואַסערליניעס און רעזערוואַרן, פי־צוכט און עופות־שטייגן, בינשטאָקן און אינדוסטריע־געוויקסן. און איבער זיי – דער יידישער מענטש, מיט זיין ווילגעלערנטקייט און טראַקטאָר, מיט זיין ליבע צו דער ערד און צום לאַנד, מיט דער גייסטיקער דערהויבנקייט און מאָראַלישער הויכקייט צו וועלן דאָ לעבן פון ערד־ארבעט, גראָד אינעם קאָלעקטיוו, אינעם שותפות, ווי זיי האָבן באַקומען אַ תיקון אין די קיבוצים, קבוצות און מושבים.

פונדעסטוועגן מוז מען אָנקומען צו עטלעכע ציפערן, ווייל גראָד זייער שפּראַך דערציילט דאָך אָן מליצה און קאָמענטאַרן דעם וווקס אין דער ברייט און אין דער טיף.

*

מיט 10 יאָר צוריק זענען אין דער יידישער לאַנדווירטשאַפט געווען באַשעפטיקט 30 טויזנט באַשפּייזערס. און היינט – 80 טויזנט. אַ וווקס פון 160%! איצט ווערן אין לאַנד באַאַרבעט קאַרגע 4 מיליאָן דונאַם, בעת אין יאָר 1948 בלויז 1 מיליאָן 600 טויזנט דונאַם. דער וואַסער־געברויך אין לעצטן יאָרצענדליק איז געוואַקסן פיר מאָל – פון 300 מיליאָן קובמעטער ביז 1 מיליאַרד 200 מיליאָן.

נאָר וואָס קאָן נאָך אַזוי רעאַל שילדערן דעם אויפשטייג, ווי דער פשוטער זאַך, אַז אונדזער לאַנדווירטשאַפט דעקט כמעט די שפּייז־באַדערפעניש פון לאַנד – אַ זאַך, וואָס אין די צנע־צייטן מיט 8 יאָר צוריק, האָט מען אַפילו נישט געוואַגט וועגן דעם צו טרוימען? דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז פאַר דעם דאָזיקן פעריאָד האָט זיך די באַפעלקערונג באַדייטנדיק פאַרגרעסערט. אין טייל צווייגן איז מען אַפילו דערגאַנגען צום אַבסורד פון פאַרניכטן "איבערפּראָדוקציע"־טאָמאַטן און אוגערקעס.

לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אין ישראל, ביי איר געאָ־פּאָליטישער לאַגע, האָט אויך געמיינט – לייזן איינע פון די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון זיכערהייט־כאַראַקטער. נאָר אויף אומבאַפעלקערטער ערד האָבן אומגעשטערט געקאָנט אַרומגיין רוצחים און גנבים, שפּיאָנען און דיווערסאַנטן. דעריבער איז יעטוועדער קיבוץ צי מושב אויף דער גרענעץ, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוין־מויער פאַר דער גאַנצער מדינה, אַ וואַנט וואָס פאַרשטעלט דעם וועג אומגעבעטענע געסט, זיכערנדיק רו נישט נאָר דעם געגעבענעם קיבוץ צי ישוב – נאָר אויך די איינוווינערס אין די שטעט.

ביי דעם גאַנצן באַרג־אַרויף, טאָר מען נישט באַקומען קיין קאָפּשווינדל פון דערפאָלג, אָדער זיך באַגנוגענען מיטן יש. זיכער איז נישט דאָס די טעמע וואָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן אויפן ירושלימער צוזאַמענקונפט. הגם אין זיין טאָג־אָרדענונג פעלט טאַקע אַ פונקט וועגן קיבוצים אין עס פעלט אויך דער רעפערענט פון יענעם ספּעציפישן, ישראלדיקן קאָלעקטיוון דאַרף וואָס איז אַ שם־דבר אין דער וועלט. אָבער ביי דער געלעגנהייט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענטרעף, ווען מ׳וועט וועלן אַרויסברענגען בלויז די ליכטזייטן, ביים פאַרזען די שאָטנס, מוז מען אויך לאָזן הערן דעם אַליאַרם־רוף פון יענע לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען און פונקטן, וואָס צוליבן מאַנגל אין מזומן, מוזן זיי אָנקומען צו פּראָצענטניקעס, ווייל די רעגירונג זאָרגט נישט פאַר אַ לאַנגטערמיניקן און

ביליקן קרעדיט; מען טאָר נישט פֿאַרגעסן די שווערע לאַגע פֿון יענע קיבוצים און מושבֿים, וואָס זענען געטראָפֿן געוואָרן פֿון דער טרוקעניש, פֿון היישעריק, פֿון פֿעלד־שעדיקער.

און איבער אַלעמען — דער גרויסער מאַנגל אין אַרבעטס־הענט אין קיבוץ, וואָס קאָן געלייזט ווערן נאָר דורך דערציִען די יוגנט צו גיין אין דאָרף, דורך פֿלעגן אַ חלוצישע אַטמאָספֿער אין לאַנד.

אונדזער לאַנדווירטשאַפֿט איז ווייט, זייער ווייט פֿון דעם באַרימטן בילד אין דער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס שטעלט פֿאָר ערד־באַאַרבייטונג אין מדינת־ישׂראל מיט אַן אַקער פֿון ששת ימי בראשית, געשלעפּט פֿון אַ קעמל... אונדזער לאַנדווירטשאַפֿט איז אָבער נאָך נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פֿון סטאַביליזירן אונדזער עקאָנאָמישער לאַגע, ווי עס מיינט לעצטנס דער "ניו־יאָרק טיימס", כּדי באַרעכטיקן אַמעריקעס אָפּשטעלן די יערלעכע סובווענץ פֿאַר ישׂראל.

אַנטקעגן דער נעגאַציע פֿון איין גרויסמאַכט, ביים צוריקציִען זיך פֿון דער צווייטער גרויסמאַכט, געפֿונען זיך איצט אין ישׂראל הונדערטער פֿאָרשטייער פֿון דריי צענדליק מדינות, וועמענס פּראַקטישע און גייסטיקע וועלט דרייט זיך אַרום ערדישע ענינים. אָבער אונדז, אַלס פֿאָלק און אַלס מדינה, דערהייבט דער דאָזיקער כּינוס צו גאָר גרויסע הייכן — נישט צו די, אין וועלכע עס האָט געשוועבט מנחם־מענדל, נאָר צום שטאָלצן געפֿיל, וואָס אַמאָליקע דאָרפֿס־יידן האָבן באַשאַפֿן אַן אייגן פּויערטום ביי זיך אין לאַנד.

(י"ש ת"א, 9.4.59)

## נישט ווי בלינדע און טעראָריזירטע

די צייטונגען האָבן געמאָלדן, אַז דער 33־יאָריקער אַרבעטער יוסף יוסף, אַן איינוווינער פֿון דער מעברה סקיה א׳ אין אור־יהודה, איז פֿאַריקע וואָך פֿאַרמשפּט געוואָרן דורכן תּל־אָבֿיבֿער קרייז־געריכט אויסגעוויזן צו ווערן פֿון זיין וווינאָרט ביזן 18טן מאַי ה. י. די סיבה פֿון דאָזיקן געריכט־אורטייל: דער באַשולדיקטער, אַן אַקטיוויסט פֿון מפּא"י, האָט געדראָאָט צו דערהרגענען צוויי איינוווינערס פֿון סקיה ב׳, אויב זיי וועלן ביי דער איצטיקער וואַל־קאַמפּאַניע נישט אַרבעטן לטובֿת דער הערשנדיקער פּאַרטיי. דער ריכטער מ. קנת האָט באַשלאָסן צו באַפֿרייען יוסף יוסף קעגן קויציע פֿון 800 ל"י, בתּנאַי, ער זאָל ביז נאָך די הסתּדרות־וואַלן נישט באַווייזן זיך אין דער מעברה. אויך האָט דער באַשולדיקטער באַקומען פֿון געריכט אַ שטרענגן אָנזאָג נישט צו קומען אין באַרירונג מיט די עדות פֿון פּרוּוון משפּיע זיין אויף זייערע דערקלערונגען אין געריכט.

דאַרף מען ביי דער געלעגנהייט נאָכאַמאָל בייגן דעם קאָפּ פֿאַר אונדזער געריכט־וועזן, וואָס ווייזט אַרויס אַזויפֿיל אָביעקטיוויטעט און צדק ביים באַהאַנדלען און משפּטן ענינים פֿון אַזאַ כּאַראַקטער — און גלייכצייטיק אַראָפּלאָזן די אויגן פֿאַר חרפּה און בושה, וואָס אַן אַרבעטער־פּאַרטיי מוז אין איר אויפֿקלער־אַרבעט אָנקומען צו אַזעלכע לייט ווי יוסף יוסף.

ווער איז יוסף יוסף?

איך קען אים נישט פּערזענלעך. איך ווייס נישט זיינע פּערסאָנאַליען, אויסער די וואָס די פּרעסע האָט איבערגעגעבן. אָבער דער טיפּ יוסף יוסף איז מיר באַקאַנט. און דווקא פֿון דער זעלבער סקיה, ווו ביי די לעצטע כּנסת־וואַלן איז מיר אויסגעקומען צו זיין פֿאָרזיצער פֿון אַ וואַל־אורנע.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען ממש ביים אַריינגאַנג צו דער קלפּי, אָפֿן און פֿרעך אַרויסגעשלעפּט פֿון דער לינקער הויזן־קעשענע די א׳ און זי געטיילט, הגם דאָס גזעץ פֿאַרווערט שטרענג צו פֿירן וועלכע ס׳איז פּראָפּאַגאַנדע נאָענט פֿון דער וואַל־אורנע. פֿון דער רעכטער קעשענע פֿלעגט ער פֿון צייט צו צייט אַרויסציִען אַ פֿינפֿער פֿונט און איבערגעבן דעם אָדער יענעם מעברה־איינוווינער. נישט ווייט פֿון אים איז געשטאַנען אַ וועגעלע מיט פֿאַרשידענע עסנוואַרג און זיסקייטן. ביי דעם קרעמער האָט ער געהאַט אַן "אָפֿענעם קרעדיט" און געטיילט פֿאַרבייסעכץ און קאַפֿע וועמען אים איז געפֿעלן — הייסנדיק אַלץ פֿאַרשרייבן אויף זיין קאָנטע. אַ לימאָנאַד

אָדער אַ טיי האָט ער אויך נישט אָפּגעזאָגט. מען האָט געשמועסט, אַז ווען עס גלוסט זיך אַ ביסל משקה, שיקט דער חברהמאַן אַ ביסל ווייטער – אין צריף מיט די פּאַרהענגלעך...

די פּאַרשטייער פון די באַזונדערע פּאַרטייען וואָס אין דער וואַל־קאָמיסיע (אויסער דער פון מפא״י), האָבן מיר כסדר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער אומדערלאָזבאַרער האַנדלונג פון דעם ״סענדוויטשן־פּאַרטיילער״ – ווי מען האָט אים באַצייכנט. עטלעכע מאָל בין איך צו אים אַרויס, אַפּעלירט צו זיין געוויסן, געלערנט בקיצור א פרשה געזעץ און אנשטענדיקייט – נאָר רייד צו דער וואַנט! אין סקיה איז ער דער מלך, דאָס געזעץ אַליין און זיין אויספירער. האָב איך איבערגערעדט מיטן דיזשורירנדיקן פּאָליציאַנט דאָרט און געפּאָדערט אַ ביסל דערווייטערן פון דער אורנע דעם דאָזיקן פּראָפּאַגאַנדיסט. אויף אַ מינוט־צוויי איז עס אים געלונגען. נאָר ווידער האָט די ברייט־צעוואַקסענע פיגור פון דעמאָלטיקן ״יוסף יוסף״ כמעט פאַרשטעלט די אַריינגאַנג־טיר צו דער קלפי – און געטאָן זיין ״הייליקע״ עבודה.

אַרום 10 אַ זייגער פרי באַווייזט זיך אין אונדזער וואַל־ביוראָ אַ בלינדע פרוי אין דער געזעלשאַפט פון דעם זעלבן מפא״ישן אַגיטאַטאָר. ווי באַוווּסט, דערלויבט דאָס געזעץ צו באַגלייטן אַ בלינדן ביז הינטערן פּאָרהענגל און העלפן אים אַריינוואַרפן זיין שטימצעטל. און אַזוי ווי אין סקיה האָבן זיך געפינען עטלעכע וואַל־באַרעכטיקטע בלינדע – איז יעדער פון זיי דערשינען אין דער אורנע, געפירט אונטערן אָרעם פון ״יוסף יוסף״, וואָס האָט שוין פאַר זיי געשטימט אויך...

קעגן דעם האָט מען גאָרנישט געקאָנט טאָן. אַלע מיטגלידער פון דער וואַל־קאָמיסיע (אפילו דער פון מפא״י) האָבן געפילט, אַז דער דאָזיקער פאַרשווין הערשט נישט בלויז איבער די אומגליקלעכע בלינדע, נאָר אַז זיין שליטה איז אויך אויסגעשפּרייט איבער די זעעוודיקע מעברה־איינוווינער. דאָס איז די שליטה פון אַ שטאַרקער פויסט, וווילינגערישע שטיק, כוליגאַנישע מעשים, געפּאָרט מיט גוטברודערישער אויפגעלייגטקייט. מיט איין וואָרט – אַן אָפּגעמאָסטענער פּראָטאָטיפּ פון דעם איצט פאַרמשפּטן יוסף יוסף, וואָס האָט געדראָט מיט מאָרד פאַר נישט דינען דער פּאַרטיי.

איז דער פאַל סקיה אַן אויסנאַם, אַן אָפּגעריסענע דערשיינונג?

מיט אַ שווער האַרץ ענטפערן מיר – ניין!

ס'איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ בדרך־כלל צו טאָן מיט אַ סיסטעם, מיט אַן אויסגעאַרבעטער שיטה פון טעראָר, פחד, באַהערשונג און צוואַנג – אָנהייבנדיק פון באַדראָען דעם עקאָנאָמישן קיום, ביז קלעפּ, איבערפאַלן און דראָונגען צו דערהרגענען...ווען אַזעלכע שאַנדטאַטן איז די טעג באַוווּסט געוואָרן נישט נאָר אין אור־יהודה, נאָר אויך אין דער אַלטער ביל״ו־קאָלאָניע גדרה, אין חצור, אין קרית־שמונה, אין ירושלים און אין פיל קלענערע און גרעסערע ערטער אין לאַנד. טייל סעקרעטאַרן פון די לשכות־עבודה, די וואַל־קאָמיסאַרן פון מפא״י, די טוער פון די אָרטיקע אַרבעטער־ראַטן וואָס טראָגן דאָס מפא״ישע פּאַרטיי־ביכל ביי זיך, האָבן פאַרשטאַנען די אָנצוגעהערעניש פון זייערע תל־אביבער מנהיגים וועגן ״אַנשטענדיקע וואַלן״ – און ביי יעדער געלעגנהייט הייבט מען הענט, מען דערלאַנגט קלעפּ, ביזן אונטערהאַקן אויגן (קרית־שמונה), אויסהאַקן ציין (גדרה), ״טרוקענע קלעפּ״ (חצור), דעמאָלירן דעם מפ״ם־קלוב און די וואַל־אויפשריפטן (ירושלים), אָדער פאַרמעסטן זיך אויפצורייסן וואַל־מיטינגען (בית־שאן און אַנדערע).

קומט טאַקע אַ יישר־כוח דעם תל־אביבער קרייז־ריכטער פאַר זיין פסק־דין. אָבער דעם ענטגילטיקן פסק־דין איבער אַ סיסטעם פון טעראָר און פחד בעת דעמאָקראַטישע פאַרמעסטן, האָט אַ ברירה אַרויסצוטראָגן נאָר דער וויילער, און שוין דעם 17טן מאַי. נישט ווי בלינדע און טעראָריזירטע דאַרף מען גיין צו די וואַלן, נאָר ווי פרייע און שטאָלצע בירגער, כדי מיט אַ ריין געוויסן און ערלעכע כוונות אַנטשיידן, אַז יוסף יוסף פון סקיה און זיינע מאָראַלישע אונטערשטיצער פון רחוב הירקון 110 אין תל־אביב – זאָלן מערער נישט הערשן אין דער גרויסער, איינפלוסרייכער אָרגאַניזאַציע פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט.

(י״ש ת״א, 14.5.59)

# ווער און וויפל זאָל צאָלן?

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן קלוגע מיניסטאָרישע קעפּ אין ירושלים, באַזאַמען מיט דערפאַרענע סוכנות־טוער אויסגערעכנט, אַז אין יאָר 1959 דאַרפן אַנקומען אין לאַנד אַ 40 טויזנט עולים. דערנאָך האָבן בוכהאַלטאַרן אויסקאַלקולירט, אַז אַ פּרייוויליקע הלוואה פון אַ 20 מיליאָן ל״י וואָס דאָס לאַנד וועט געבן, האָט אַ ברירה, באַזאַמען מיט די קאַמפּיין־געלטער פון אויסלאַנד, צו דעקן די קליטה־באַדערפענישן פאַר די פיר צענער טויזנטער וואָס קלייבן זיך קומען קיין ישראל. און הגם דאָס איז געווען אַ דורכויס יידישער און ישראלדיקער חשבון, איז ער פאַרט געמאַכט געוואָרן אָנעם בעל־הבית. ווייל אין דער הויפּטשטאָט פון אַ גרויסער אייראָפּעישער מלוכה, האָבן מיניסטאָרן אַדורכגעפירט זייערן אַן ״עליה־חשבון״ און באַשלאָסן ברייט עפענען די טויערן נאָר פאַר יידן און נאָר קיין ישראל. דער רעזולטאַט? אַ גרויסער עליה־שטראָם וואָס וועט צוויי, אויב נישט דרייפאַכיק פאַרגרעסערן דעם ירושלימער ״קאָנטינגענט״ עולים און גלייכצייטיק צונישט מאַכן אַלע אונזערע חשבונות און פּלענער פון קליטה און איר פינאַנסירונג.

קלאָר, אַז יעדער אויפריכטיקער פּאַטריאָט פון לאַנד האָט זיך געפרייט מיט אַזאַ אַנטוויקלונג, הגם ער האָט געוווסט, אַז באַגלייך מיט דער שמחה, וועט אויך וואַקסן זיין קרבן און צושטייער אויפצונעמען זיינע ברידער. יעדער בר־דעת האָט פאַרשטאַנען, אַז דער געוויינלעכער מדינה־בודזשעט מוז פאַרגרעסערט ווערן, אַז עס פאָדערן זיך אויסערגעוויינלעכע צוגאָב־מיטלען און דראַסטישע פינאַנסיעלע אָפּעראַציעס, כּדי צו דעקן די אויסגעוואַקסענע באַדערפענישן. אין יענע ערשטע טעג פון דער פּראָקלאַמירטער מילווה־עליה, האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון אָפּפערווויליקייט. די אַלגעמיינע שטימונג איז געווען: אונטערשטעלן אַ פּלייצע, געבן געלט און אויסשטרעקן אַ ברודערלעכע האַנט דעם ייד וואָס קערט זיך אום אהיים.

### וואַקכאַנאַליע פון פרייזן און באַשטייערונגען

נאָר מיטאַמאָל איז געשען אַ מאָדנע זאַך: דער ענטוזיאַזם האָט זיך אָנגעהויבן אויסלעשן, די פאַרביטערונג איז געוואַקסן און דאָס לאַנד האָט ממש אָנגעהויבן גיין אויף רעדער. אַזאַ וואַקכאַנאַליע פון פרייזן־שטייגערונג, אַזאַ גאַלאָפּירנדיק יקרות און אַזעלכע באַשטייערונגען אויפן צאָל און פּרייז פון צענדליקער אַרטיקלען פון ערשטן געברויך – געדענקט נישט די מדינה, אַפילו אין ציַיטן פון דער באַפרייונגס־מלחמה און פון דער סיני־אַקציע. און דאָס איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פון אַ שפּעקולאַנטישער קאָניוקטור, פון אַ פּלוצלומדיקער אינפלאַציע אָדער פון אַן אויפגעשטיגענעם שוואַרצן מאַרק. ניין! דער ראַשיקער באַרג־אַרויף פון די פּרייזן, די האַסטיקע און ממש מאַסנהאַפטיקע פּאַרטייערונג, האָט באַקומען איר פולקאָמען הכשר, איניציאַטיוו, פּלאַנירונג און רעאַליזירונג אין די עקאָנאָמישע מיניסטעריום פון ל. אשכול און פּ. ספּיר, ביי דער אַפּראָבאַטע פון דער רעגירונג, טראָץ דער קעגנערשאַפט, באַוואָרענישן און פּראָטעסטן פון די אַנדערע אַרבעטער־שותּפים אין דער קאָאַליציע.

איז ווינציק געווען דאָס אָפּשאַפן דעם רעגלאַמענטירטן צוטייל פון די צוויי לעצטע אַרטיקלען – צוקער און קאַווע, איז געהעכערט געוואָרן דער צאָל אויף אימפּאָרטירטע רוי־מאַטעריאַלן, בוי־מאַטעריאַלן, עלעקטרישע אויסאַרבייטונגען, פּאַפּיר, האָלץ, דיקטן, פּלאַסטיק, לעדער, גאַרבעריי־כימיקאַליען, סאַניטאַציע־אַרטיקלען, גומי־פאַבריקאַטן, וואַרעמפּלעשער און צענדליקער אַנדערע סחורות, פון 5 ביז 60 פּראָצענט. דער פינאַנס־מיניסטער האָט אויך געהאַט בדעה אָפּצושאַפן די סובסידיע פאַר די אויטאָבוסן־קאָאָפּעראַציון וואָס וואָלט דערפירט צו אַן אויטאָמאַטישער העכערונג פון די פּרייזן אויף בילעטן און פּלאַנירט דאָס בטל מאַכן די סובסידיע אויף אַ ריי לעבנסוויכטיקע שפּייז־אַרטיקלען פון ערשטן געברויך.

דער דאָזיקער שגעון פון באַשטייערונגען און לאַסטן, אויסער די צוואַנגס־הלוואה פון 40 מיליאָן ל״י, האָט אַנשטאָט באַגייסטערונג און פּרייוויליקייט פאַר עליה־אויפנעם, געשאַפן גאָר אַ דערדריקטע שטימונג און געפיל פון אויסנוצן אַ שעת־הכושר דורכן פינאַנס־מיניסטער, גלייך ער

וואָלט שוין פון לאנג געוואָרט אויף אזא געלעגענהייט. און ווי דער שטייגער, האָט דאָס טאקע געטראָפן דעם פינאנסיעל־שוואכן, דעם ווייניק־פארדינענדיקן, דעם שלעכט־באצאָלטן, דעם ״דערנידעריקטן און באליידיקטן״ אויפן געביט פון לוין און פארדינסט. ווידעראמאָל איז דער געליטענער ״דאָס קליינע מענטשעלע״, דער ייד פון א גאנץ יאָר, וואָס ראנגלט זיך אזוי אויף פארן קיום פון זיין משפחה. דער, וועמענס חודש־געהאלט איז שוין אויסגעגעבן, נאָך איידער ער ברענגט אים אהיים.

## דער פראָנטאלער אָנגריף

דער דאָזיקער אָנגריף איז געווען א פראָנטאלער, גוט־צוגעגרייטער און קאָאָרדינירטער: אשכול אין כנסת און אין דער פרעסע, אויף עפנטלעכע ארויסטרעטונגען און אויף זיצונגען פון דער רעגירונג, האָט געקעמפט ווי א לייב צו באווייזן די ריכטיקייט פון זיינע האנדלונגען; מיניסטער ספיר ווידער, ווען ער האָט דערציילט אין כנסת וועגן דערגרייכונגען פון זיין מיניסטעריום, האָט בפירוש אָנגעדייטעט, אז מען דארף פארביליקן די פראָדוקציע־קאָסטן אין אלע שטחים, וואָס ביי א מפא״ישן מיניסטער מיינט עס אויך — אראָפּנידערן דעם לוין; און א. בעקער, דער לייטער פון דער פראָפ׳־אָפּטיילונג ביי דער הסתדרות, האָט זיך אויך נישט געשעמט צו דערקלערן, אז ״אלע לאָקאלע און צענטראלע אינסטאנצן פון דער הסתדרות וועלן אלץ טאָן, כדי רעאליזירן די דורכן ועד הפועל באשטעטיקטע לוין־פּאָליטיק אויפן יאָר 1959״. אויפן נישט־דיפּלאָמאטישן און אומפארוויקלטן לשון מיינט דאָס — אָנהאלטן די פּאָליטיק פון פארפרירענע לוינען אין דער אינדוסטריע, בוי און לאנדווירטשאפט, מיט קליינטשיקע, נישט וועזנטלעכע פארבעסערונגען.

דאָס אלץ איז ארויסגעבערענגט געוואָרן אין איין וואָך און דורך אזעלכע דריי אויטאָריטעטן אין דער רעגירונג און הסתדרות, וואָס דעצידירן אין פראגן פון ארבעטער־לוין, שטייערן, האנדל און אינדוסטריע. היינט, ווי לעכערלעך זעט אויס די ״אינטערוועניץ״ פון דעם זעלבן א. בעקער און פ. לבון ביי צוויי מיניסטאָרן (וואָס אלע באזאמען געהערן זיי צו איין פארטיי), וועגן עפּעס נאָכגעבן, א ביסל אראָפּלאָזן פון די ארויפגעלייגטע לאסטן, לאָזן דעם ארבעטער כאפּן דעם אָטעם.

פאראן א ווערטל, אז ״די קאץ שיקט מען נישט נאָך דער סמעטענע״ — און אפילו ווען לבון און בעקער רעדן אין נאָמען פון א לעגיטימער מערהייט אין דער הסתדרות, וואָלט זיי דער רוב ישראלדיקע ארבעטער נישט געגעבן היינט דעם מאנדאט אונטערצוהאנדלען אין די פראגן...

## פרעמיעס פאר די רייכע

מען מוז אויסדרוקן באוונדערונג פאר דעם ציווילן מוט פון לוי אשכול, וואָס גראָד ערב א גרויסער פּאָליטישער שלאכט וואָס הייסט וואלן, איז ער מיט זיין שטייערן־פּאָליטיק נאָך אלץ ״אויפן פערד״. ער האָט גאָרנישט בדעה ארונטערצוגיין אויף א ווײַלע. פארקערט, ער שטויסט אים אין די זייטן און טרייבט אים אונטער צו א קאָפּשווינדלערישן גאלאָפּ, וואָס קאָן, חלילה, דעם רייטער גופא אראָפּוואַרפן. מיט עקשנות פירט ער אדורך זיין פּאָליטיק — די באוווסטע פּאָליטיק פון נעמען דעם עיקר ביים אָרעמען, פארזעענדיק, אויב נישט אפילו פּרעמירנדיק, דעם רייכן.

ווי אזוי?

גאָר פשוט. נעמט צום ביישפּיל די פארטייערונגען אויף א 200 ארטיקלען, וואָס ווערן דורכגעפירט איבער נאכט. אונדזער פינאנס־מיניסטער מאכט נישט קיין ״סטאָק״ אין די סקלאדעס, פירט נישט דורך קיין אינווענטאריזאציע פון די פאראַנענע זאפּאסן, קוקט אפילו נישט אריין אין די ביכער פון די מאגאזינירטע ארטיקלען וואָס דארפן מאָרגן פרי טייערער ווערן. די פאראָרדענונג צו העכערן דעם צאָל אָדער דעם פרייז דערשיינט פלוצום, מיט איינמאָל. דער הורט־סוחר, דער אימפּאָרטער און די גרויסע האנדלסהייזער מאכן דעם זעלבן טאָג א פרומע מינע, פארגלאָצן די אויגן מיט מיטלייד צום קונה און דערקלערן דערביי ציניש, אַז ״דער מכס (צאָל) איז געשטיגן מיט 30 פּראָצענט״. איי, ער האָט פאַרן מכס אָפּגעצאָלט מיט — לאָמיר זאָגן — אַ יאָר אָדער דריי צוריק, אָבער קיינער שטערט אים נישט אויסצונוצן אשכולס דעקרעט און נעמען דעם נייעם פרייז, וואָס דעם פאַרגרעסערטן ריווח לאָזט ער אַראָפּ צו זיך אין טאַש — און נישט אין דער קאַסע פון אוצר.

קלאָר, אַז דער שוסטער־לאַטוטניק נעמט שוין טייערער פאַר אָנקלאַפּן אַ פּאָר האַלבע זוילן, הגם קיין גרויסע זאַפּאַסן לעדער האָט ער נישט געהאַט. ער קריצט נאָר מיט די ציין אויף דעם לעדער־סוחר, וואָס האָט אויסגענוצט די קאָניונקטור, געצויגן ביי אים אַ פּאַסעק און געהייסן צאָלן מיט 25% מערער אויפן קילאָ לעדער, וואָס האָט אים געקאָסט פיל ביליקער. און אַזוי הייבט זיך אָן דער כישוף־קרייז פון יקרות, וואָס פאַלט זיך צונויף מיט שפּעקולאַציע און שוואַרצן מאַרק און וואָס טרעפן ווידער דעם אומפאַרמעגלעכן, באַרייכערנדיק נאָך מערער די פאַרמעגלעכע.

אשכול און זיינע ספּעציאַליסטן פונעם פינאַנס־מיניסטעריום ווייסן וועגן דעם אויסגעצייכנט. פונדעסטוועגן קלאַמערט מען זיך אין דער דאָזיקער פאַרלוירענער ליניע פון באַעוולהן דעם געליטענעם און באַלוינען דעם גביר, וואָס קומט נאָך שאַרפער אַרויס טאַקע ביי דער עליה־הלוואה פון די 20 מיליאָן ל״י.

דער יסוד פאַר באַשטימען דעם אָנטייל אין דער הלוואה איז — דער הכנסה־שטייער. אַזוי ווי די פאַרדינסטן פון די לוין־אַרבעטער זענען עפנטלעך באַוווּסטע, קאָנטראָלירטע, היט מען אָפּ די טאַבעלע פון מס־הכנסה מיט מאַטעמאַטישער גענויקייט און יעדן חודש רעכנט מען אים פריער אַראָפּ דעם שטייער, איידער ער דערזעט זיינע שווער־אויסגעהאָרעוועטע גראָשנס. ביי דעם א. ג. ״עצמאי״ (״זעלבשטענדיקן״) — דער אימפּאָרטער, עקספּאָרטער, גרויסער סוחר, פאַבריקאַנט, אונטערנעמער, באַנק־דירעקטאָר, קרעמער און אַליינפאַרדינער, שאַצט מען די הכנסהס ״אויפן אויג״, די שטייערן קרעדיטירט מען צו צאָלן ערשט אין אַ יאָר, צוויי, דריי און מערער. און אַז עס זאַמלט זיך אָן אַ גרויסער חוב (די דאָזיקע יידן איילן זיך קיינמאָל נישט צו צאָלן!), זעצט מען זיך אַוועק אין יאָר 1959 ״גלייכן״ וועגן די שטייערן־חובות פון יאָר... 1955. און מען קומט אַדורך, די ״עצמאים״ האָבן זיך שטאַרק נישט וואָס צו קלאָגן. און אַזאַ פאַרשוין, וואָס פאַרדינט ריינע 5000 ל״י אַ יאָר, צאָלט פאַר 12 חדשים אַזויפיל הכנסה־שטייער, וויפל אַ לוין־אַרבעטער מיט 1.500 ל״י אַ יאָר — אין משך פון 3 חדשים.

## **״מען וועט אַרויסנעמען די קאָזע״**

וועגן דעם ווייסן אונדזערע ווירטשאַפטלעכע מיניסטעריומס, וועגן דעם ריידן אומאויפהערלעך די מפ״ם־מיניסטאָרן אין דער רעגירונג, וועגן דעם הערן זיך די שטימען פון קאָאַליציע־און אָפּאָזיציע־דעפּוטאַטן אין כנסת, וועגן דעם דיסקוטירט מען אין ועד הפועל פון דער הסתדרות (אויב מען דערלאָזט נאָר צו אזא וויכוח!) — נאָר ״דאָס הויז ברענט און דער זייגער גייט״. די הערשנדיקע פאַרטיי טוט זיך אירס. און אויב איר וועט די טעג הערן וועגן געוויסע ענדערונגען אין דער שטייערן־שריוף, וועגן קליינע פאַרלייכטערונגען, וועגן בטל מאַכן די פאַרטייערונג אויף אַ ריי אַרטיקלען, ״צוליב דער אינטערווענץ פון הסתדרות־פאָרשטייער ביי די מיניסטאָרן פון פינאַנסן און פון האַנדל און אינדוסטריע״, — וועט עס זיין גענוי ווי די געשיכטע מיט שלום־עליכמס קאָזע, וואָס נאָכדעם אז מען האָט נאָר זי אַרויסגענומען פון שטוב, איבערלאָזנדיק די פריער אַריינגעשטעלטע אנדערע זאכן — איז פאָרט געוואָרן גרינגער.

ניין, אפילו פון אזעלכע ״קאָזע״־אַספּעקטן, וועט נישט גרינגער ווערן די לאגע. ברענגענדיק פאר דער כנסת דאָס געזעץ וועגן דער צוואנגס־הלוואה פאר קליטה, האָט ל. אשכול איבערגעגעבן, אז ביי א 80 טויזנט ווינציק־פארדינענדיקע באשפייזערס זאָלן לגמרי באפרייט ווערן פון דער הלוואה. ריכטיק, לגבי די איז פאראן אי די סטאטיסטיק, אי די קאָנטראָל פון יאָ און נישט צאָלן. אָבער וואָס איז מיט די 80 טויזנט וואָס וועלן צאָלן א נישטיקן פראָצענט פון זייערע גרויסע פארדינסטן, ווייל די ״מילווה־חובה לקליטה״ איז באזירט אויף הכנסה־שטייער? און וואָס איז מיט די אנדערע 80 טויזנט וואָס וועלן זיך לגמרי ארויסדרייען?

וועגן דעם גייט דער גאנצער וויכוח. צוליב דעם האָט מפ״ם געפאָדערט דאָס דרינגענדיקע צונויפרופן דעם וועד־הפועל פון דער הסתדרות און די קאָאליציע אָנפירונג, כדי אדורכצוזעצן די סאמע עלעמענטארסטע און יושרדיקע באשלוסן וועגן אומקערן די לעבנסוויכטיקע שפּייז־צוטיילן;

אָפּשאַפן די אַרויפגעלייגטע שטייערן אויף אַרטיקלען פון ערשטן געברויך; קאָמפּענסירן דעם אַרבעטער פאַרן יקרות.

די וועדה־מרכזת (עקזעקוטיווע) פון דער הסתדרות האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג וועגן צוניפרופן דעם וועד־הפועל. דער הויפט־פּאַרטנער אין דער קאָאַליציע איז נישט נוטה קיין סך נאָכצוגעבן, הגם דאָ און דאָרט באַמיט ער זיך בכבודיק צוריקציען פון א ריי פּאָזיציעס. נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער קאַמף פון וועגן וועט זיך פאַרשאַרפן – וועט דאַרפן אַרויסגעטראָגן ווערן אויסער די הסתדרות־ווענט און רעגירונג.

(י״ש ת״א, 12.6.59)

## וועגן זיי שרייבן נישט די צייטונגען...

ביידע גשעענישן זענען זיך צונויפגעפאַלן אין איין וואָך, אין דער זעלבער שטאָט, ממש אויף איין גאַס. די עיקר־העלדן פון ביידע דראַמעס זענען אפילו געווען נאָענטע שכנים – און ווי בירגער פון מדינת ישראל, האָט יעדער אויף זיין שטייגער זיך אויספּאַרמירט זיין וועלט־אַנשויונג און צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון לאַנד. פונדעסטוועגן האָט מען די אַנטיילנעמערס פון דער דראַמע נומער איינס געווידמעט אָן א שיעור צייטונג־כראָניק, אָפּגעדרוקט בילדער און אָפּהאַנדלונגען, גלייך זיי וואָלטן געווען נאַציאָנאַלע העלדן, צי וויכטיקע פּערזענלעכקייטן. דאַקעגן האָט מען מיט קיין איינציק וואָרט נישט דערמאָנט די גיבורים פון דער צווייטער דראַמע, די זיבעציק יוגנטלעכע פון ירושלים, רחובות און רמת־גן, וואָס זענען אין יענעם כאַמסיניקן טאָג זיך צונויפגעקומען אויף א פאַרזאַמלונג, כדי צו באַשליסן וועגן גיין אין קיבוץ.

דעם אמת געזאָגט, וואָלטן ביידע צדדים מוחל געווען די רעקלאַמע. די ערשטע – ווייל זי האָט פּשוט אַ סוף געמאַכט צו זייער פאַרברעכערישן לעבן. אויב צייטונגען נעמען שרייבן וועגן אַנטדעקטע רויבער, גנבים, חאַשיש־רויכערער און אונטערוועלטניקעס, אָנגעבנדיק דערביי זייערע געמען און אַדרעסן, מיינט דאָס, אַז די דאָזיקע פאַרשוינען געפינען זיך שוין הינטער די קראַטן און אַנשטאַט אונטערציען סך־הכלען פון געפלינדערט פאַרמעגן ביי יענעם, חשבונט מען איצט די יאָרן תפיסה וואָס דערוואַרטן נאָכן געריכט־אורטייל. די צווייטע ווידער – אויס עניוות, צוריקגעהאַלטנקייט און ערלעכן (ווייל נאָך יוגנטלעכן) אידעאַליזם, ווילן נישט קיין ״פּובליסיטי״, זענען מוחל די טובה פון דערמאָנען זיי אין דער פּרעסע. אַזעלכע יונגעלייט קלייבן ליבערשט אויס אַ געשלאָסענע פאַרזאַמלונג, ווו מען קאָן פריי און אומגעשטערט אַרויסברענגען זייער זאָרג און ראַנגלענישן, זייער ציטער און שפּאַנונג ערב דעם אַנטשיידנדיקן שריט אין לעבן.

רמת־יצחק, איינע פון די עלטסטע פאָרשטעט אין רמת־גן, איז אין די לעצטע טעג נישט אַראָפּ פון די צייטונגס־שפּאַלטן צוליבן אַנטפלעקן דאָרט אַ כנופייה געשעפט־באַזיצער, דירות־פאַרמיטלער, חתונה־געהאַטע פּאָרלעך, עלטערן פון קינדער און אפילו אַ שוואַנגערע פרוי, וואָס האָבן פלאַנירט און אַדורכגעפירט אומצאָליקע גניבות און איינברוכן, פאַרנומען זיך מיט נאַרקאָטיקס־האַנדל און צוגעשטעלט פּרויען פאַר געקויפטער ליבע. הגם די ״גערעטעניש״ פון אויפגעדעקטע פאַרברעכנס, שווינדלערייען, קאָרופּציע־פאַלן און געריכט־אורטיילן איבער געזעץ־ברעכער איז באַזונדערס געווען גרויס אין יענער וואָך, האָט מען איבער אַלעמען זייער פיל גערעדט און געשריבן וועגן דער אַנטדעקטער באַנדע אין רמת־יצחק – סיי צוליבן פאַרנעם פון אירע פאַרברעכנס, סיי צוליבן פאַרביקן צוזאַמענשטעל. לייענענדיק יענע טעג די ישראל־פּרעסע, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז סדום האָט באַהערשט די מדינה און רק די פּאָליציי, געריכטן און תפיסה־אַדמיניסטראַציע זענען די סאַמע באַלעסטיקטע און באַשעפטיקטע אינסטיטוציעס אין לאַנד, וואָס זייערע בודזשעטן וואָלטן אינמיטן יאָר באַדאַרפט פילפאַכיק פאַרגרעסערט ווערן...

פלינקע צייטונגס־לייט און געשיקטע פאָטאָ־רעפּאָרטערן האָבן פון אַלע זייטן פאָטאָגראַפירט דאָס קאַפּע־הויז – דעם שטאַב פון דער אויפגעדעקטער באַנדע און געגעבן דערצו די פּאַסיקע

״פאַרביקע״ באַשרייבונג, באַזאלצן מיט סענסאַציעס און באַפּעפערט מיט פּיקאַנטעריע. יעדער מיטגליד פון דער כנופיה, דער עיקר זייער מנהיג, האָבן זוכה געווען צו ברייטערע,ביאָגראַפישע שילדערונגען. קיין רעקלאַמע האָט נישט געפעלט די דאָזיקע אויסגעגליטשטע לייט, אַ דאַנק דעם אומעטום אַריינדרינגענדיקן אַפּאַראַט פון די נאָכמיטאָג־צייטונגען, וואָס ווייסן אין אַזעלכע פאַלן פונאַנדערבלאָזן דעם אָפּיציעלן פּאָליצייאישן קאָמוניקאַט צו אומגעווײנלעכן פאַרנעם און אָפּגעבן פיל אָרט אַזעלכע פאַרברעכערישע האַנדלונגען.

ווו איז אין יענעם טאָג אַהינגעקומען דאָס שאַרפע זשורנאַליסטישע אויג אין דער זעלבער רמת־גנער פאָרשטאָט, ווו בסך־הכל אין מרחק פון אַ צווייהונדערט מעטער פון דעם איצט באַרימטן קאַפע־הויז שטייט זיך אַן אַלטער האָלץ־באַראַק – דער קן פון אָרטיקן השומר־הצעיר?

כ׳לעבן – געווען אויך דאָרט וואָס צו זען און צו הערן. אָט איז פּאַר די פאַרזאַמלטע יוגנטלעכע ענדלעך געקומען די צייט פון אַנטשיידונג. אַכט יאָר האָט מען זיך דערצויגן אין דער באַוועגונג, פיזיש און גייסטיק זיך געגרייט צו הגשמה – פאַרווירקלעכן דעם טרוים און אידעאַל פון אויפשטעלן אַ נייעם לאַנדווירטשאַפטלעכן פונקט, שאַפן אַ קיבוץ. עטלעכע מאָל אין וואָך איז מען זיך צוזאַמענגעקומען אין דעם אַלטן צריף, פאַרברענגט, געשמועסט, אַוועק אויף אויספלוגן, געהערט לעקציעס און רעפעראַטן, געלאָזט אויך הערן אייגענע מיינונגען. איצט, אויפן שוועל פון די מאַטורע־עקזאַמענס און אויפן שוועל פון מיליטער־דינסט, באַדאַרף מען אָננעמען דעם באַשלוס. חברה ווייסן, אַז אייגנטלעך דאַרף עס גיכער זיין אַ פאָרמעלע פאַרפיקסירונג פון אַ פריער־צוגעגרייטן פּאָרשלאַג פון דער הויפּט־אָנפירונג – אָנשליסן זיך אין איינעם פון די שוין פאַרפעסטיקטע קיבוצים, ווו עס פילט זיך אַ מאַנגל אין אַרבעטס־הענט – און מען דאַרף אים שטאַרקן מיט אַ יוגנטלעכן עלעמענט. און גראָד ביי דעם פונקט איז אויסגעבראָכן די מרידה. זיי ווילן נישט קומען צום גרייטן. זיי זענען אַנטוישט וואָס זייער עכט־פאַרשטאַנענעם חלוציזם וויל מען ריכטן אויף אַ גאָר אַנדערן וועג, שיקן אין אַ פון פאָרויס צוגעגרייטער ווױנונג, צו שוין פאַראַקערטע פעלדער און פאַרפלאַנצטע גערטנער, צו אַנטוויקלטע שטאַלן און הינער־שטייגן, צו אַן אויפגעבויטער שול און קינדערגאָרטן. זייער באַגריף וועגן חלוצים איז נאָך אַ בראשיתדיקער, אַן עכטער, פון יענער תקופה, ווען דאָס אַרויפגיין אויפן באָדן האָט געמיינט באַזעצן זיך אויף נאַקעטער רויערד, אַליין זיך אויפשטעלן צעלטן און אַ פראָוויזאָרישע פעלד־קוך וואָס גיבן צו פילן דעם טעם פון אָנהייב, פון אייגענער מי און באַשאַף.

און דאָ – אַזאַ אַנטוישונג. מען לייגט זיי פאָר גאַנצע דריי פונקטן, אָבער שוין איינגעפונדעוועטע. דערביי גיט מען בפירוש אָנצוגעהערן, אַז מיינען מיינט מען דווקא יענעם קיבוץ וואָס ליגט ביי דער גרענעץ. אדרבה – זאָלן זיי אויפן מוסטער פון יהושע בן־נון אהינשיקן עטלעכע ״מרגלים״, זיך אַדורכשמועסן מיט די וותיקים, דערוויסן זיך ווי מען וואַרט מיט אומגעדולד אויף זייער פאַרשטאַרקונג, אויף אַן איינשפריצונג פון פריש, יונג בלוט... אין סאַמע תוך פון דעם וויכוח באַשטימט מען אַזעלכע דריי ״מרגלים״. זאָלן זיי פאָרן, באַקוקן און באַריכטן.

*

די פאַרזאַמלונג ציט זיך ווייטער. די פראַגע איז – נישט נאָר וואַהין גיין – נאָר אויך וויאַזוי און ווער? פאַראַן פראָבלעמען איבער פראָבלעמען.

די 17־ יאָריקע אסתר לערנט זיך זיין פרעבליסטין (גננת). זי האָט ליב די באַוועגונג, אירע אידעאַלן און ציִלן, איז אויך טריי דעם בחור וועמען זי האָט באַקענט אין דער אָרגאַניזאַציע און ביידע זענען איניק, אַז זייער צוקונפט איז אין קיבוץ. נאָר וויאַזוי רייסט מען איצט איבער די לימודים? אין אַ יאָר אַרום וועט זיין די געגאַרטע צייגניש פון אַ דיפּלאָמירטער גננת – נאָך וועלכער די עלטערן פון מיידל לעכצן שטאַרק. אָבער דער גרעין גייט אַרויס אין קיבוץ און אפילו אין מיליטער־דינסט, ווי א געשלאָסענע גרופּע. היינט, ווי פּאַסט דאָס צו קומען ערשט אין אַ יאָר אַרום? איז טאַקע פאַראַן אַ גרויסער מאָראַלישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער דרוק פון דער באַוועגונג שוין איצט אָפּשטעלן די לימודים – און דאָס פעלנדיקע יאָר וועט אפשר דער קיבוץ דערלויבן שפּעטער אָניאָגן, אויב ער וועט

זיך נייטיקן אין אַזאַ ספּעציאַליסטין. איבערייסן די לימודים, הייסט שטעלן זיך אין קאָנפליקט מיט טאַטע־מאַמע,פאַרשטערן זיי דעם "נחת פון קינדער". דער דאָזיקער ענין ווערט אַרויסגעברענגט פאַר דער פאַרזאַמלונג מיט דער גאַנצער אָפּנהאַרציקייט און אויפריכטיקייט. וואָס טאָן?

און נאָך אסתרן — אַנדערע. די לערנט זיך אויף קראַנקן־שוועסטער, אַ דריטע — בוכהאַלטעריע, איינער איז געפעלן געוואָרן צו דעראָבערן אַ פאַך, וואָס וועט זיכער נוצן אויך דעם קיבוץ. נאָר ווי געזאָגט, די שעה פון אַנטשיידונג איז געקומען. מען דאַרף דעצידירן: אָדער מיטן אייגענעם וועג פון בילדונג און פאַך בלויז פאַר זיך — אָדער אלעמענס וועג, דעם דרך פון קאָלעקטיוו.

דערציילט דער 18־יאָריקער יורם מיט הומאָר:

— מיין מאַמע האָט ליב דעם קיבוץ און זי וואָלט געוועזן צופרידן, ווען אַהין זאָל גיין דעם שכנס זון — און נישט איר קינד. דאָס איז נישט, חלילה, קיין רכילות אויף דער מאַמען, נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון יענע שטימונגען און געדאַנקען וואָס הערשן אין רוב היימען פון די דאָזיקע קינדער. ווייל אַ "יידישע מאַמע" וויל אפילו אירע שוין דערוואַקסענע זין און טעכטער האָבן וואָס נענטער ביי זיך, זיי זאָלן זיין וואָס געבילדעטער און איינגעאָרדנטער, מיט פיינע שידוכים און לייטישע דירות. און דאָ גאָר — אַ קיבוץ אויף דיין קאָפּ כאָטש פון איין זייט איז מען שטאָלץ און פול מיט באַוווּנדערונג פאַרן שריט פונעם קינד. אָפּטמאָל טראַכט אַזאַ טאַטע: "ווער ווייס, דער דאָזיקער זון, גייענדיק איצט אין קיבוץ, קויפט וױנציקסטנס אויס מיינע חטאים פון בלייבן· זיצן אין שטאָט, פון נישט מיטגיין מיט יענעם דור פּיאָנערן און בויער פון דער מדינה". פון דער צווייטער זייט איז אָבער אויך פאַר די דאָזיקע שוין עלטערע און רייכע·אין לעבנס־דערפאַרונגען מענטשן גאָר ווייט און פרעמדלעך דער מיין און זין פון קיבוצישן לעבן, דאָס גליק וואָס זייער קינד קאָן דאָרט געפינען. אויך זיי זענען אָנגעשטעקט מיט דער אַלגעמיינער אַטמאָספער אין לאַנד פון קאַריערע, פון אַרויפאַרבעטן זיך, פון אַריינעמען די קינדער אין זייערע עסקים...

וואָס־זשע טאָן?

זיי, די דאָזיקע פיל־צוזאָגנדיקע און דורכאויס אידעישע יוגנט האָט צייט צו זיצן אויף דער פאַרזאַמלונג און שלעפּן דעם וויכוח ביז אין דער טיפער נאַכט, הגם מאָרגן האָט מען די לעצטע עקזאַמענס פון מאַטעמאַטיק, פון ענגליש און נאָכדעם — תנ"ך. אַ טייל דאַרפן גאַנץ פרי זיך אומקערן אין וואַרשטאַט, צי אויף דער שולבאַנק. זיי איילן זיך צו באַשליסן — נישט אויס מאַנגל אין צייט, הגם זיי דיספּאָנירן מיט איר גאָר ווינציק, נאָר אויס מאַנגל אין אומגעדולד — וואָס שנעלער אַנטשיידן. און די מערהייט באַשליסט, הגם אָן ענטוזיאַזם:

— גיין אין דעם אַלטן קיבוץ...

*

דער דאָזיקער באַשלוס האָט אויך אַן אַנדערע באַגרינדונג. אויב אַרויסגיין אויף אַ לגמרי נייעם פּונקט מיטן איצטיקן גרעין, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס פאַרלאָזן פון איינעם צי עטלעכע (צוליב פאַרשידענע סיבות), האָט אַ ברירה צו ווירקן אָנשטעקנדיק. דאַן שטייט אין געפאַר דער גאַנצער קאָלעקטיוו.

אויך וועגן דעם רעדט מען אָפן. און נישט נאָר מען רעדט. ווייל אפילו דאָס וואָס ווערט נישט דערזאָגט — זעט מען. גראָד די ־אָזיקע אומדערפאַרענע יוגנט האָט גוט תופס געווען אַלע לויערנדיקע געפאַרן פון דעם אַרום, טאַקע פון דעם נישט־ווייטן קאַפע־הויז, ווו זיי פלעגן אָפט זען יאַטן אין זייער עלטער פאַרברענגען ביי קאָרטנשפּיל און האַזאַרד־אויטאָמאַטן; פון די שטימונגען אין גאַס; פון דער אַטמאָספער אין די שטובן; פון דעם הערשנדיקן רעזשים וואָס צייכנט זיך נישט אויס מיט צו פיל פלעגן די חלוצישע ווערטן.

האַלעווי זאָלן מיט דערזעלבער זעעוודיקייט "געשטראָפט" ווערן די דערפאַרענע און אוודאי קלוגע מענטשן וואָס שטייען ביים מלוכהשן רודער; די וואָס באַשטימען די בודזשעטן פאַר התישבות און קליטה־אויפנעם אין די קיבוצים; די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אונדזער דערציוּנג און בילדונג; די צייטונגס־מענטשן וואָס באַאַרבעטן אונדזער עפנטלעכע מיינונג.

ווידמען אַ ביסל שורות דער דאָזיקער זיך ראַנגלענדיקער יוגנט פונעם רמת־גנער צריף וואָס געהערט צום השומר־הצעיר און זייערס גלייכן אין לאַנד, באַשרייבן מיט אַ טראָפּן ליבע, וואַרעמקייט און פאַרשטענדעניש דעם דאָזיקן טייל פון אונדזער יונגן דור — דאַרף זיין אַ וויכטיקערע און ערשטראַנגיקע אויפגאַבע, איידער צעשמירן אויף גאַנצע זייטן, אָן מאָס און פּראָפּאָרץ, די כל־מיני פאַרברעכנס און זינד. פאַראַן אין ישראל אויך אַן אַנדערע יוגנט — און זי איז עס דאָס בעסטע און טייערסטע וואָס מיר פאַרמאָגן — און וועגן איר זענען די צייטונגען מחויב צו שרייבן...

(י״ש ת״א, 18.6.59)

# דער בייזער אָנזאָג פון חיפה

מען שלאָגט יידן אין חיפה — איז געווען דער האַלבשפּאַסיקער, האַלב־ערנסטער ענטפער פון מיין באַקאַנטן, אויף דער סטערעאָטיפּישער פראַגע ״וואָס הערט זיך״, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן דעם לעצטן פרייטיק. דערנאָך איז זיין פּנים געוואָרן ערנסט, פאַרזאָרגט און א טיפער טרויער האָט זיך געטראָגן פון זיינע ווייטערדיקע רייד. ״נאָך דאָס האָט אונדז געפעלט״ — האָט ער פאַרענדיקט מיט א קרעכץ, און זיך געזעגנט מיט א פאַרשעמטן ״שלום״.

״שלום״ — האָב איך געענטפערט. נאָר דאָסמאָל האָט עפּעס מאָדנע אָפּגעקלונגען דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס האָט זיך לגמרי נישט אַריינגעפּאַסט אין יענער ״חיפהדיקער״ אַטמאָספער, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך די פינצטערע בשורה פון צעשטערטן שלום־בית צווישן א פאָלק, ווען איין טייל זיינער האָט זיך פאַרמאָסטן צו הייבן די קין־האַנט אויפן צווייטן טייל. ווייל אויב דאָס וואָרט פּאָגראָם האָט ווען עס איז באַדאַרפט באַקומען אַ תיקון אין מדינת ישראל — איז עס געשען אין דער פאָרשטאָט וואַדי סאַליב און אויפן כרמל אין חיפה.

... פאַרביטערטע און אונטערגעהעצטע, באַעוולהטע און צעווילדעוועטע, באַליידיקטע און צערייצטע, האָבן בירגער פון דער יידישער מדינה, אָפּשטאַמיקע פון צפון־אַפריקע, דער עיקר פון מאַראָקאָ, זיך פאַרמאָסטן אויסצולאָדן זייער צער און צאָרן קעגן יידן־אשכנזים, געקומענע פון די איראָפּעישע און אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער. דער פונק אינעם אָנגעזאַמלטן פּאַס פּולווער איז געווען דער אייליקער און אפשר אומבאַרעכנטער רעוואָלווער־שאָס פון אַ פּאָליציי־סערזשאַנט אויף אַ שיכור וואָס האָט כוליגאַנעוועט און געוואָרפן פלעשער אויף די אָנגעקומענע היטערס פון דער עפנטלעכער רו. גענוג געווען, אַז וואַדי סאַליב זאָל אויפכאַפּן די אמתדיקע ידיעה, אַז דער געשאָסענער איז אַ ״מאַראָקאַנער״ און דעם פאַלשן קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון די באַקומענע ווונדן, כדי סאָלידע מענטשן, באַזאַמען מיט היציקע קעפּ, זאָלן אויסשרייען זייער מעכטיקן ״נידער״ קעגן אַוועקהרגענען אַ ״זייעריקן״, איינעם פון ״משלנו״. אין דעם דאָזיקן פּאָליצייאישן אַקט האָבן זיי געוואָלט זען אַ כלומרשטן המשך פון דיסקרימינאַציע און ביטול צו אַ גאַנצן שבט.

די סאָלידאַריטעט כלפּי אַ געליטענעם לאַנדסמאַן האָט צעשטערט בירגערלעכע אחדות, אומגעוואַלגערט דעם בנין פון מיזוג הגלויות. די באַליידיקטע אַמביציע פון אַ עדה האָט געזוכט אויסלאָדונג אין דעמאָלירן געשעפטן, אין אונטערצינדן אַן אויטאָ, אין האקן שויבן, אין וואַרפן שטיינער און צעשטערן די לאָקאַלן פון הסתדרות און פון מפא״י אין וואַדי סאַליב.. די ביז גאָר אָנגעזעענע צאָל פאַרוווּנדעטע פּאָליציאַנטן און אַרעסטירטע דעמאָנסטראַנטן, די כסדרדיקע צוזאַמענשטויסן און די שוידערלעכע פּערספּעקטיוו פון אַ נאָך גרעסערן חורבן און אומגליק אין רעזולטאַט פון אַזאַ אַנטוויקלונג, האָבן ערשט פרייטיק פרי, נאָך דעם שטורמישער מיטוואָכדיקער נאַכט און דעם ״שוואַרצן דאָנערשטיק״, עטוואָס באַרויקט די געמיטער און צוריקגעשטעלט אַ נאָרמאַל לעבן.

אין וואַדי סאַליב אין חיפה הערשט איצט רו און אָרדענונג. קאָן זיין, אַז דער ענין וואָלט זיך שנעל פאַרגעסן, ווי פיל ענלעכע אויפטרייסלענדיקע געשעענישן, ווען נישט דער המשך. די פּאָליציי האָט אויפגעשטעלט אירס אַן אינערלעכער פּאָרש־קאָמיסיע. די רעגירונג האָט באַשטימט אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון אַ קרייז־ריכטער, אַ כנסת־דעפּוטאַט און אַ רב (פון די יוצאי מאַראָקאָ). דער פּאָליציי־מיניסטער האָט געמוזט באַריכטן אין כנסת וועגן די געשעענישן. די פּרעסע הערט נישט אויף צו קאָמענטירן די פּורעניותן אין חיפה. מיט איין וואָרט – דער דאָזיקער ענין וועט אַזוי שנעל נישט פאַרשווינדן פון סדר־היום פון אונדזער לעבן, אפילו ווען אַלע קאָמיסיעס וועלן האָבן פאַרענדיקט זייער אַרבעט און די צייטונגען וועלן צורו לאָזן מיט דער דאָזיקער טעמע. ווייל די פּראַגע פון מיזוג הגלויות פון איין זייט און דאָס פּראָבלעם פון דיסקרימינאַציע פון די מזרח עדה׳ס פון דער צווייטער זייט – וועלן נישט געלייזט ווערן דורך צייטונגס־אַרטיקלען, דעפּוטאַטישע רעדעס און פּאָרש־קאָמיסיעס. דאָס פּראָבלעם איז פיל טיפער און ערנסטער.

אַ פאַקט וואָס לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען, צי פאַרגלעטן: כמעט הונדערט פּראָצענט פון די מעברות־איינוווינער, די דערדריקנדיקע מערהייט ״דחק״־אַרבעטער – געהערן צו די מזרח־עדה׳ס. און פּונקט ווי גרויס ס׳איז זייער אנטייל אין די סאַמע נידעריקסטע שטאַפּלען פון אונדזער סאָציאַלן לייטער, אַזוי נישטיק איז זייער צאָל אין די מיטלשולן, אוניווערסיטעטן, אין באַאַמטן־אַפּאַראַט, צווישן דעם אָפיצירנטום, אויף לייטנדיקע פּאָסטנס, אין ווויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס. די ״שוואַרצע״ אין מדינת ישראל זענען די האָלצהעקערס און וואַסערטרעגערס ביי די ״ווייסע״. די איינוווינערינס פון די מעברות, וואָס זענען געקומען פון תימן און טריפּאָלי, פון אַלזשיר און טוניס, פון מאַראָקאָ און איראַק, מאַכן ״ספּאָנדזשיאַ״ ביי די הויז־באַלעבאָסטעס פון פּוילן און אונגאַרן, פון פראַנקרייך און אַרגענטינע. אין אָנבליק פון דער ווירקלעכקייט, וואַקסט דאָס געפיל פון קנאה און עוולה. אוודאי קומען דאָ און דאָרט פאָר דורכבראָכן. עס געשעט, אַז אַ פאַמיליע פון עולי עיראַק פאַרלאָזט יפו און קלויבט זיך אַריבער קיין צפון תל־אביב; אַז א תימנער משפּחה פון דער מעברה אין רחובות האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַן ״אשכנזישן״ קוואַרטאַל פון דער דאָזיקער שטאָט. עס טרעפט אויך, אַז אַ ״ווייסער״ יונגערמאַן האָט חתונה מיט אַ ״פרענקיש״ מיידל.

דאָך דאַרף מען זאָגן דעם אמת, ווי ביטער און גרויזאַם ער זאָל נישט זיין: אַ יידישע משפּחה פון פּוילן, וואָס האָט אויף דער אייגענער הויט געשפּירט דעם טעם פון דיסקרימינאַציע און פאַרשטויסנקייט, הייבט אָן דרייען מיטן נאָז צוליב די נייע ״טונקעלע״ שכנים, אי צוליבן מאָדנעם שידוך. אין תל־מונד צי אין ראשון־לציון האָט עס בשעתו דערפירט צו אַן אָפענעם קאַמף פון ״ווייסע״ עלטערן, אַז זייערע קינדער זאָלן נישט לערנען אין איין שול מיט די ״שוואַרצע״ קינדער. געווען בפירושע פאָדערונגען, פּעטיציעס און אַנטשלאָסנקייט איינצופירן אַ ״ליטל־ראָק״ אין אַ טייל אונדזערע שולן. פינצטערע פאָרורטיילן, פאַריסענער סנאָביזם, ראַסיסטישע איינשטעלונגען און דער זלזול צום דערנידעריקטן און באַליידיקטן, האָבן זיך טיף איינגעבאַקן אין דער מענטאַליטעט פון אונדזער קליינבירגערלעכער און בורזשואזער געזעלשאַפט. ווייל די באַציונג צו די מזרח־עדה׳ס איז נאָך איין פּראָנט־אָפּשניט אין די קלאַסן־באַציונגען אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. אויב ס׳וועט אין לאַנד פאַרלאַנגזאַמערט ווערן דער פּראָצעס פון אויפגעקומענער גבירישקייט, אויב מען וועט אָנהייבן ״איבערשאַצן די ווערטן״ בנוגע דעם קאַריעריזם און פאַרשווענדערישן לוקסוס – אַזוי וועלן זיך פאַרווישן און ניוועלירן די שרייענדיקע קאָנטראַסטן צווישן אָרעם און רייך, צווישן די אשכנזים און ספרדים, צווישן די פאַרשידענע עדה׳ס.

אָבער צו דעם זענען נישט נייטיק קיין פּאָרש־קאָמיסיעס, נאָר אַן ענדערונג אין רעזשים, אַ באַנייונג פון חלוצישן גייסט, אַ צוריקגיין צו די אידעישע ווערטן פון אַמאָל.

דער פּרעמיער פון דער ישראל־רעגירונג האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן ליב צו באַנוצן זיך מיט אַ געפליגלט ווערטל: ״גיט מיר אַ רמטכ״ל (שעף פון גענעראַל־שטאַב) – אַ תימנער״. דאָס דאַרף ענטפערן און פאַרענטפערן דעם תהום צווישן די צוויי טיילן פון פאָלק. זענען אָבער געקומען די געשעענישן אין וואַדי סאַליב און באַוויזן, אַז הגם דער פּאָליציי־מיניסטער געהערט צו די ספרדישע

יידן, האָט עס נישט אָפּגעהאַלטן די עולי מאַראָקאָ צו דעמאָנסטרירן קעגן דער פּאָליציי פֿאַר איר איילקן (און צווישן אונדז גערעדט — אומנייטיקן) באַנוצן זיך מיט הייס געווער קעגן אַ שיכּור. בעת אָבער די דעמאָנסטראַציע פֿאַר דער פּאָליציי־געביידע אין חיפה איז פֿאַרהעלטניסמעסיק אַדורך רויק, האָבן די גאַסן־אַרויסטרעטונגען און די "אַקציעס" אויף אַ ריי צענטראַלע גאַסן אין חיפה, געטראָגן אַ בפֿירושן פּאָגראָם־כאַראַקטער כלפּי אַ באַשטימטן טייל בירגער, נישט דערפֿאַר ווייל זיי זענען צופֿיל רייך, ווייל זיי זענען פּאַראַזיטיש, ווייל זיי פֿירן אַ געווער־האַנדל מיט דייטשלאַנד אָדער ברענגען חאַשיש פֿון מצרים פֿאַר די איינוווינער פֿון חיפה. דער צעווילדעוועטער המון האָט געפּלינדערט און כוליגאַנעוועט קעגן יידן, מיינענדיק צו טרעפֿן אשכּנזים.

און דאָ שטעקט די געפֿאַר. און דאָס האָט אוודאי מיין פֿריינט געמיינט צו זאָגן, אַז "מען שלאָגט יידן אין חיפה". יענע הייס־געבאָדענע יוצאי מאַראָקאָ האָבן אויף אַ פֿאַלשן אַדרעס, אין אַ זייער אומגערעכטער פֿאָרם אַרויסגעבראַכט זייער פּראָטעסט און פֿאָדערונג פֿאַר אַ גערעכטער זאַך, וואָס מיינט: אָפּשאַפֿן די דיסקרימינאַציע כלפּי די מזרח־עדה'ס; דערמעגלעכן זיי אומזיסטיקע מיטל־בילדונג און סטיפּענדיאַלע הויכבילדונג; העלפֿן זיי אינעם סאָציאַלן אַוואַנס; אָפּשאַפֿן יענע עלעמענטן, וואָס זענען גורם צו אַ לעבן פֿון צוריקגעשטאַנענקייט, אָרעמקייט, דעגענעראַציע און פֿאַרביטערטקייט — די מעברות; א סוף מאַכן צו די דחק־לוינען; זיכערן זיי סטאַבילע באַשעפֿטיקונג.

וואַדי סאַליב איז געווען אַ האַרבע וואָרענונג, אַ בייזער אָנזאָג.

וואַדי סאַליב האָט אָבער אַ ברירה צו זיין אויך אַ ווענדפּונקט.

(י"ש ת"א, 16.7.59)

# צום שול־יאָר

מיט צוויי טעג צוריק האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע שול־יאָר — דאָס צוועלפֿטע אין מדינת ישראל — אונטערן צייכן פֿון גאָר ערנסטע דערגרייכונגען און אויפֿטוען. 600 טויזנט תּלמידים האָבן מיט פֿרייד און געלעכטער פֿאַרפֿולט די רחבותדיקע קלאַסן. פֿאַר 50 טויזנט פֿון זיי — די גאָר יינגע — איז עס צום ערשטן מאָל וואָס זיי זיצן אויף אַ שול־באַנק. אויך זענען צוגעקומען פֿרישע קאַדרען לערער, עס איז באַדייטנדיק פֿאַרקלענערט געוואָרן די צאָל שילערס פֿון דער "צווייטער שיכט" און צענדליקער נייע שול־געביידעס מיט טויזנט קלאַסן זענען אויפֿגעבויט געוואָרן פֿאַרן לעצטן יאָר.

גענוג צו דערמאָנען, אַז דער בודזשעט פֿאַר בילדונג און דערציונג איז אין די לעצטע צוויי יאָר פֿאַרדאָפּלט געוואָרן — פֿון 48,5 מיליאָן ל"י ביז 96 מיליאָן ל"י, בעת דער בודזשעט פֿון דער גאַנצער מדינה איז געוואַקסן אויף 14%.

אין די מיטלשולן (אַריינגערעכנט די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע, פֿאַך־שולן און גימנאַזיעס), וועלן זיך היי־יאָר לערנען 52 טויזנט שילער. פֿון זיי וועלן 22 טויזנט געניסן פֿון דעם ניי־איינגעפֿירטן שכר־לימוד וואָס פֿאַרלייכטערט דעם אָפּצאָל פֿאַר אומפֿאַרמעגלעכע און פֿעיִקע שילער.

מיט איין וואָרט — נישטאָ וואָס צו שעמען זיך מיטן בילאַנס פֿון אונדזער שול־וועזן צום אָנהייב פֿון שול־יאָר תש"ך.

פֿונדעסטוועגן איז אונדזער שׂמחה נישט קיין פֿולקאָמע. מיר ווייסן, אַז טראָץ דעם געזעץ וועגן אָבליגאַטאָרישער בילדונג, געניסן בלויז 97 פּראָצענט קינדער פֿון דער שול, בעת די איבעריקע 3% זענען אויסגעשטעלט נישט נאָר אויף דער געפֿאַר פֿון אַנאַלפֿאַבעטיזם, נאָר אויך אויף דער דערציונג פֿון דער גאַס, וואָס פֿירט די קינדער און יוגנט אויף פֿאַרברעכערישע וועגן. אויך ווייסן מיר, אַז ענדערונגען אינעם שכר־לימוד אין די מיטלשולן האָבן נישט געגעבן קיין ענטפֿער דער פֿאָדערונג וואָס הערט זיך איבערן גאַנצן לאַנד וועגן אומזיסטיקער בילדונג און אויך אין די מיטלשולן, וואָס אין דער ערשטער ריי וואָלטן דערפֿון געניאָסן די קינדער פֿון די מזרח־עדה'ס. גענויע ציפֿערן דערציילן, אַז בעת אין די פֿאָלקסשולן בילדן די שילער פֿון די מזרח־עדה'ס 50%, פֿאַלט אָבער זייער צאָל אין די מיטלשולן אויף 30%, דערגרייענדיק שוין ביז א מינימום אין די הויכשולן.

אויך אין די פאָלקסשולן ווערט נישט אָפּגעהיטן פולשטענדיק דאָס געזעץ וועגן אומזיסטיקער בילדונג. די מוניציפּאַליטעטן האָבן אריינגעפירט א ספּעציעלע באַשטייערונג, וואָס די עלטערן מוזן אריינטראָגן נאָך פאַרן אָנהייב פון שול־יאָר.

דאָס לערניאָר תש״ך האָט כלפּי פריערדיקע יאָרן נישט געענדערט זיך מיטן ווייטערדיקן אָנהאלטן די צוויי טיפן שטרעמונגען אין אונדזער דערציונג: די אלגעמיינע און רעליגיעזע, בעת די ארבעטער־ריכטונג איז ליקווידירט געוואָרן מיט 6 יאָר צוריק. נאָכמער: ערשט נישט לאנג האָט א מערהייט אין דער רעגירונג באשלאָסן נישט צולאָזן די טעטיקייט פון די חלוצישע יוגנט־אָרגאניזאציעס אין די שול־מויערן, באשטימענדיק בלויז פאר דער סקויטן־אָרגאניזאציע ספּעציעלע פּריווילעגיעס. די מיניסטאָרן וואָס האָבן געהויבן די הענט פארן ווייטערדיקן פארבאָט און חרם אויף דער חלוצישער באוועגונג אין די שולן, ווייסן, אז דערמיט זענען זיי משלים מיטן הערשנדיקן מצב פון ניהיליזם, אַנטלאַסטונג, ציניזם און שפּאָט איבער אידעישע ווערטן און חלוצישן גייסט, אין וועלכן אונדזער לאנד נייטיקט זיך אזוי שטארק.

באַזאַמען מיט די הונדערטער טויזנטער עלטערן, וועלן מיר באַגלייטן די קינדער מיט די בעסטע ברכות פון דערפאָלג אין די לימודים. מיר וועלן זיך אויך ווינטשן א ריי ענדערונגען אין שול־געזעץ, וואָס זאָל דערמעגלעכן אמתע אומזיסטיקע בילדונג און ארומנעמען וואָס מערער קינדער און יוגנט, כדי זיי דערציען פאר נוצלעכע בירגער פון דער מדינה.

(י״ש ת״א, 3.9.59)

## צום נייעם יאָר

ראש־השנה תש״ך, דעם 12טן יידישן ניי־יאָר אין מדינת ישראל, באַגעגענען מיר מיט געמישטע געפילן. ווי יעדעס יאָר אין דער צייט, ווילט זיך אונטערציען א סך־הכל פון די אָפּגעלאָפענע 365 טעג. און ביים בילאנסירן דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, זענען מיר שטאָלץ מיט די דערגרייכונגען און אויפטוען, פונקט ווי מיר זענען באַזאָרגט צוליב די שאָטן־זייטן, וואס באווייזן זיך ווי טונקעלע פלעקן אויפן איידעלן און יונגן אָרגאניזם פון דער מדינה.

אָן שום ספק, אז דאָס פארגאנגענע יאָר תשי״ט האָט אריינגעשריבן נאָך א הערלעך בלאט פון וווקס און אויפשטייג, בוי און שטוונג אויף אלע שטחים פון אונדזער מלוכהשן לעבן. עס האָט זיך געשטארקט דער עקאָנאָמישער און זיכערהייטלעכער פּאָטענציאַל, דער עקספּאָרט וואַקסט אלץ העכערע ציפערן, די מעברות זענען אין פראָצעס פון ליקווידאציע, די כנסת האָט באשטעטיקט א ריי פּאָרגעשריטענע געזעצן, די פארבינדונגען מיט אויסלאנד און די אנערקענונג פאר ישראל מצד א ריי מדינות אין אזיע און אפריקע ווערן אלץ ענגער און פריינטלעכער און א פאַרהעלטניסמעסיקער שטילשטאנד ביי די גרענעצן דערלויבן מיט מער אָפּטימיזם קוקן אין דער צוקונפט און ווינטשן זיך (איז דאָך איצט דער הויך־סעזאָן פון שיקן ברכות!) אויפן אלטן יידישן שטייגער: ״האלעווי ווייטער – נישט ערגער!״

מיט דעם איז געמיינט דאָס פּאָזיטיווע און שעפערישע, אז דאָ, חלילה, זאָל ניט פאָרקומען קיין פארערגערונג. ווי איז אָבער דער דין כלפּי דעם נעגאַטיוון? דאָ מוז מען שוין ענדערן די ברכה, אז וואָס ווייטער – זאָל זיין בעסער

ווייל אין דעם שיינעם, פּרעכטיקן מדינה־בנין האָבן אין פארלאָפענעם יאָר זיך באוויזן לעכער און שפּארעס, וואָס מאכן מיאוס די געביידע און באדראָען אירע פונדאמענטן.

דאָס יאָר תשי״ט האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט א גרויסער עליה. פון אייראָפּע, צפון־אפריקע און ביידע אמעריקעס, האָבן שטארקע עליה־כוואַליעס נישט געשטורעמט אונדזערע ברעגעס. פון טייל לענדער לאָזט מען נישט יידן קומען אהער, פון אנדערע – ווילן זיי אליין נישט. און דער רעזולטאט? די שרייענדיקע דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם פאָלק וואָס זיצט אין ישראל (15%) און דעם אָפּגעריסענעם גליד אין די תפוצות (85%). נישט ווייניקער ווי יידן אין אויסלאנד נייטיקן זיך אין

דער מדינה, נייטיקט זיך די מדינה אין יידן. פון אלע לענדער וועט עס בפירוש זיין לטובת דער מדינה און לטובת די עולים, אויב דאָס קומענדיקע יאָר וועט פאַרצייכענען נייע נצחונות אויפן פראָנט פון עליה און קליטה.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון ישוב, איז פאַר א צייט־אָפּשניט פון צוועלף חדשים, נישט פאַרלייגט געוואָרן קיין נייער לאנדווירטשאפטלעכער פונקט. אפילו אין די צייטן פון מאנדאט, געדענקט מען נישט אזא סטאַגנאַציע אויפן סאמע פילבאַרסטן און סאמע שטאָלצן אויפטו, ווי ס׳איז די קיבוצישע באוועגונג. מיט א יאָר צוריק איז דער 74 סטער קיבוץ פון השומר הצעיר ארויף אויפן באָדן אין אידמית, הארט ביי דער לבנונער גרענעץ, און פון דעמאָלט האָט קיין איינע פון די קיבוצישע באוועגונגען ניט פארמאָסטן זיך צו דעראָבערן א טייל וויסטעניש אין נגב צי אין גליל. די וויי־ניקע חלוצים וואָס האָבן געוואָלט מקיים זיין די מצווה פון אויפשטעלן א נייעם פונקט, האָבן געמוזט אָפּקאָמאנדירט ווערן צו פארשטאָפּן לעכער אין די פאַראַנענע ווירטשאַפטן. דער ציניזם האָט באקומען די אויבערהאנט איבערן ציוניזם, דער קאריעריזם הייבט אן ארויסשטויסן דעם חלוציזם. ווי איז אהינגעקומען די אידעישע יוגנט מיט איר גרויסער ציוניסטישער וויזיע?

תשי״ט וועט אין אונדזער געשיכטע הייסן אויך דאָס יאָר פון וואדי־סאליב. מיטאמאָל איז א פארוואָרלאָזטער קוואַרטאָל אין הארץ פון חיפה, אויסגעוואקסן צו א סימבאָל פון דיסקרימינאציע, אָרעמקייט, פארנאכלעסיקונג, אומוויסן. וואדי־סאליב האָבן נאָכגעטאָן מגדל־העמק און באר־שבע. דאָרט ווי כוליגאניזם דארף פארטרעטן צילבאוווסטן, אָרגאניזירטן ארבעטער־געראנגל פאר סאָציאלן יושר, האָט פאָליציי אינטערווענירט מיט אירע מעטאָדן, דאָס געריכט האָט געמשפט לויטן שטראָף־קאָדעקס – אָבער דערמיט האט די מדינה נישט געגעבן קיין לייזונג פאר אזעלכע קווארטאלן, ווו באעוולהטע איינוווינער דארפן זיך דערנערן פון דחק־ארבעטן און צווייפלהאפטע באשעפטיקונגען. דאָס אָנקומענדיקע יאָר נעמט איבער א הארב קאפיטל, וואָס הייסט מזרח־עדה׳ס. וועט מען פון איצט אָן שענקען מערער אויפמערקזאַמקייט?

דאָס איז געווען א יאָר פון א שענדלעכער טראנזאקציע וואָס האָט צעריסן דאָס פאָלק און אויפגעריסן די רעגירונג. א יאָר פון א קנוניה צו פארקויפן געווער די מערדער פון זעקס מיליאָן יידן און א יאָר פון אינטריגע קעגן יענע כוחות, וואָס האָבן געוואָלט פארטיידיקן דעם נאציאָנאַלן כבוד פון די אומגעקומענע און פון דער שארית־הפליטה. מיט איינמאָל איז קלאָר געוואָרן, וואהין צילט די אויסערן־פּאָליטיק פון דער מערהייט־פּארטיי, וואָס האָט אין כנסת באקומען א בירגעלעכן שותף צו כשרן דאָס עסק. יידיש געווער קיין באָן האט באדארפט (אָ, גרויסע אילוזיע!) עפענען א טיר אין צפון־אטלאנטישן בונד, פּאָליטיש דערנענטערן ישראל מיט מערב־דייטשלאנד און שטארקן די פריינטשאפט מיט פראנקרייך. אויב די פלענער זאָלן, חלילה, רעאליזירט ווערן, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן וואָסערע הארבע סכנות עס דראָען דער סוווערניטעט פון דער מדינה.

נישט־איבערקלייבערישע און אנטי־נאציאנאלע געווער־טראנזאקציעס מוזן אויך גורם זיין צו אָפּווייכונגען און פארלייקענונגען פון אידעאלן וואָס זענען דער ווינקלשטיין פאר אונדזער אינערלעכן רעזשים. דער אטענטאט אויף די געפילן פון פאָלק, מיטן געבן געווער די דייטשן, איז זיך צונויפגעפאלן מיט דער פאַרשווערונג – פון די זעלבע יידן! – אויף אונדזער דעמאָקראטיע. אומברענגען דעם איצטיקן דעמאָקראַטישן וואַל־סיסטעם – איז די הויפט־לאָזונג ביים פארמעסט צו דעראָבערן די פערטע כנסת. ערשט מיט 12 יאָר צוריק האט מען פונדאנען פארטריבן דעם ענגלענדער – און שוין וויל מען פון לאָנדאָן אימפּאָרטירן זייער וואַל־סיסטעם. גלייך קיין אַנדערע דאגות און פראָבלעמען האט נישט די מדינה, ווי נאָר ענדערן די וואַל־אָרדינאציע. לאָמיר האָפן, אַז דער וואַל־אויסגאנג אין פיר וואָכן ארום וועט אנטשיידן אויך דעם שטרייט.

אויפן פראָנט פון באציונגען מיט אונדזערע שכנים – אָן ענדערונגען. אוועק נאָך א יאָר פון איינהייטלעכן אראבישן בויקאָט קעגן ישראל, באַגלייט מיט פּאָליטישע און זאָאָלאָגישע דעקלאראציעס פון שנאה און דראָונגען. אדרבה, דאָס שליסן דעם סועץ פאר ישראל־שיפן און ישראל־סחורות, אפילו געשיקט מיט אויסלענדישע שיפן, איז געוואָרן הארבער און באדראָענדיקער.

שוין פינף חדשים ווי "אינגאַטאָפּט" איז פאַרהאַלטן אין א מצרישן פּאָרט. די שכנותדיקע הערשער, מיט נאַצערן בראש, רעדן נאָך אַלץ וועגן נקמה און פאַרניכטונג.

ערשט נישט לאַנג האָט מען געקאָנט זען א בילד אין דער היגער פּרעסע, ווי א פּאָליציי־אישע פּאַטרול־שיף וואָס האָט באַדאַרפט אָנהויבן פונקציאָנירן אין אילתער איינגוס, איז דורך דער יבשה איבערגעפירט געוואָרן פון חיפה אין אונדזער דרומדיקסטן פּאָרט. מדינת ישראל, וואָס איר ים־ברעג ציט זיך אויף הונדערטער קילאָמעטער, מוז גאָר שיפן פירן אויף לאַסט־אויטאָס... און אַלץ צוליב דעם געשלאָסענעם סועץ־קאַנאַל, וואָס האָט טאַקע אויף דער איצטיקער אונ"אָ־סעסיע געעפנט די מיילער פון א טייל בכבודיקע פאַרשטייער פון גרויסע מלוכות צו רעדן וועגן פּרינציפּ פון פרייען שיפס־פאַרקער, אבער אָנעם דערמאָנען אזעלכע נעמען, ווי ישראל און סועץ... דער וואָפנשטילשטאַנד־הסכם אין ראָדאָס, געחתמעט מיט 10 יאָר צוריק, האָט נאָך נישט דערפירט צום געגאַרטן שלום. אויך מצד ישראל זעט זיך נישט די אויטאָריטעטע, ערנסטע און ענערגישע איניציאַטיוו. און הלואַי זאָל דאָס יאָר תש"ך וויסן וועגן א טיפן דורכברוך אויף דעם פראָנט.

*

פאַראַן מענטשן וואָס זענען גרייט אַנצונעמען די אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען אין אונדזער לעבן ווי זאַכן "מן השמים". ווער עס זעט אין זיי אַ "היסטאָרישע נויטווענדיקייט", ווער עס באַטראַכט זיי ווי א נאַטירלעכן באַגלייטער פון א יינגער, זיך ראַנגלענדיקער מדינה, וואָס איז נאָך אַלץ אין פּראָצעס פון ווערן – נאָר אַלע צוזאַמען אָריענטירן זיך אויף א פאַטאַליזם, אָביעקטיווער מוז, וואָס לאָזט זיך נישט ענדערן.

האָט דער קאַלענדאַר געוואָלט, אז די איצטיקע יומטובים זאָלן אויספאַלן ערב די וואַלן. אויב אויף א ווײַלע אָנעמען די איינשטעלונג, אז ראש־השנה שרייבט מען אויס דאָס קוויטל, יום־כיפור ווערט עס געחתמעט און הושענה רבא גיט מען עס אַרויס – וועט דער טאָג פון דריטן נאָוועמבער פאַרייניקן אין זיך די אַלע דריי פונקציעס. נישט קיין געטלעכע האַנט, נאָר יעדער וואַלבאַרעכטיקטער בירגער אין ישראל וועט זיין אי דער אויסשטעלער, אי דער חתמנער, אי דער אַרויסטראָגער פון אורטייל. ס'איז אָנצונעמען, אַז דאָסמאָל וועט דער פּסק־דין זיין אַ שטרענגער איבער יענע כוחות, וואָס פירן זיך לויטן אַלטן יידישן פאָלקסווערטל: "ערב יום־כיפור ווערן אַלע גנבים פרום...".

און דאָס "קוויטל"־שטימצעטל אין דער אורנע, האָט א ברירה צו העלפן ענדערן די לאַגע: אַרויספירן די מדינה אויפן דרך־המלך פון חלוצישן שוווּנג און באַנייטע פאַרמעסטן; אָפּשאַפן דעם שכר־דחק און רעדוצירן ביז א מינימום די אַרבעטלאָזיקייט; ליקווידירן די וואַדי־סאַליבס און דערנענטערן איין עדה צו דער צווייטער; פּראָקלאַמירן און רעאַליזירן פריינדשאַפט און שלום כלפּי אַלע פעלקער און לענדער.

דאָס זענען נישט קיין וואַל־צוזאָגן, אויך נישט קיין פרומע ווונטשן, נאָר א פּראָגראַם פון א גאַנץ קיילעכדיק יאָר – צומאָרגנס נאָך די כנסת־וואַלן, פונקט ווי פיר וואָכן פאַר די וואַלן. דאָס איז די טיפע אמונה אין אַן אידעאַל נישט נאָר ערב ימים־נוראים, נאָר ריינער גלויבן אויך אין די וואָכעדיקע טעג.

און מיר האָבן גענוג וואָכעדיקע טעג אין יאָר. מער יומטובדיקייט, מער אידעאַליזם, מער טריישאַפט די אַרבעטער־ווערטן – מיט אזעלכע פאַרלאַנגען לאָמיר באַגעגענען דאָס ניי־יאָר תש"ך.

(י"ש ת"א, 1.10.59)

## "פאַרגעסענע" וואַלן

געדערעכט זענען די וואָס טענהן, אז מען האָט נישט באַדאַרפט אין דעם זעלבן טאָג פון די כנסת־וואַלן, אויך אַדורכפירן די וואַלן צו די מוניציפּאַליטעטן, ווייל דער פאַרמעסט אַרום דעם צוזאַמענשטעל פון אונדזער פּאַרלאַמענט, וואָס מיינט אויך – דער צוזאַמענשטעל פון דער רעגירונג,

האָט ווי פאַרשטויסן אין א זייט דעם נישט ווייניקער העפטיקן קאַמף וועגן כאַראַקטער פון אונדזערע שטאָטישע און אָרטיקע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען. ענינים פון הויך־פּאָליטיק, פון פּלאַנירטער צי כאַאָטישער ווירטשאַפט, קרייז־וואַלן צי דעמאָקראַטישע אַנטשיידונגען, וואָס די כנסת איז באַרופן צו באַשטימען זייער גורל, האָבן געמאַכט פאַרגעסן ענינים פון שטאָטישער קאַנאַליזאַציע, באַלייכטונג, פון צוויי לערנשיכטעס אין דער שול, פון פאַרוואָרלאָזטע קוואַרטאַלן און די פראַגע פון מוניציפּאַלע שטייערן.

זענען מיר טאַקע געווען עדות אין די לעצטע וואָכן, אַז טראָץ דעם וואָס איז טאָג פון דריטן נאָוועמבער קומען פאָר צווייערליי וואַלן — צו דער כנסת אין צו די שטאָטראַטן, האָט די שלאַכט זיך געפירט כמעט אויסשליסלעך אַרום דער ערשטער אינסטיטוציע, בעת די וואַלן צו די זעלבסטפאַרוואַלטונגען זענען ממש פאַרגעסן געוואָרן. איז דאָס אַ בפירושע עוולה כלפּי די הונדערטער טויזנטער וויילערס — איינוווינערס פון שטעט און ישובים, וועמענס מוניציפּאַלע אינטערעסן און זאָרגן זענען נישט קלענער ווי אַלגעמיין־מלוכהשע פּראָבלעמען. אַזוי האָט די פּרעסע, דער ראַדיאָ, דער פּילפּאַרביקער א״ב אויף די ווענט, די מיטינגען, פאַרזאַמלונגען און מסיבות, פאַרנומען זיך דער עיקר מיטן צוקונפטיקן אויסזען פון דער פערטער כנסת. און הגם קיינער וויל נישט פאַרמינערן דעם באַטייט פון דער דאָזיקער בכבודיקער אינסטיטוציע — ווילט זיך אָבער פרעגן: פאַרוואָס פאַרזען דעם ענין מוניציפּאַליטעטן?

אויב פאַראַפראַזירן דאָס ווערטל ווי עס קריסטלט זיך — אַזוי יידלט זיך, דאַרף מען בנוגע אונדזער מוניציפּאַלער ווירטשאַפט און פּאָליטיק זאָגן: ווי אין לאַנד־מאַסשטאַב — אַזוי אויך אויף די באַזונדערע ערטער. די סאָציאַלע אומרעכט און עוולה, ווי אַ רעזולטאַט פון אַ פאַלשער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, האָט אויך געהאַט איר פאַרקערפּערונג אין די שטעט און קאָלאָניעס. די מעברות איבערן גאַנצן לאַנד האָבן געהאַט זייערע ״ברידער״ אין די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן אין ירושלים, תל־אביב, חיפה, רמת־גן און אַנדערע ערטער. די שטייערן־פּאָליטיק פון אונדזער פינאַנס־מיניסטעריום צו נעמען וואָס מערער ביים אַרבעטער און וואָס ווייניקער ביי די א. ג. זעלבשטענדיקע — האָט זיך ״געדעקט״ מיט יענעם סיסטעם פון אויסמעסטן די שטאָטישע שטייערן, וואָס האָבן אין דער אונטערשטער שורה באַעוולהט דעם ווייניק־פאַרמעגלעכן און פּריווילעגירט דעם רייכן. די קנאַפּע זאָרג פון אַ ריי מיניסטאָרן אין דער רעגירונג פאַר די אינטערעסן פון דעם האָרעפּאַשניק און אַרבעט־מענטש, האָט געגעבן אַ שלעכטן ביישפּיל געוויסע ״שטאָט־טאַטעס״ נישט איבערצונעמען זיך צופיל מיט דער לאַגע פונעם איינוווינער אין אַ ריי שטאָטישע קוואַרטאַלן. מיט איין וואָרט — דער אַרבעטנדיקער און פּראָדוקטיווער עלעמענט אין די שטעט און ישובים האָט אין זיינע עוולות אויפן מוניציפּאַלן געביט דערזען דעם צווילינג ברודער פון זיינע דיסקרימינאַציעס אין צענטראַלן מאַסשטאַב. איינס האָט ״דערגאַנצט״ דאָס אַנדערע — און שטענדיק צום שלעכטן פון דעם טייל באַפעלקערונג, וואָס טראָגן אויס די נאַציאָנאַלע לאַסטן פאַר דער מדינה מיט אמתן פּאַטריאָטיזם און אויך אין פולער פינאַנסיעלער פאַרשטענדעניש פאַר אירע אינטערעסן.

נישט אין אַלע שטאָטראַטן איז אויסגענוצט געוואָרן די דעראָבערטע מערהייט פון די דריי חלוצישע אַרבעטער־פּאַרטייען, כדי אויפצושטעלן אַ פּראָגרעסיווע קאָאַליציע. מפא״י האָט ליבערשט זיך פאַרבונדן מיט די רעליגיעזע, איידער מיט מפ״ם, צי מיט אחדות־העבודה. אין אַזאַ תל־אביב, האָבן די פאָרשטייער פון די רעליגיעזע אַרבעטער (פון הפּועל המזרחי) דעצידירט וועגן אויפשטעלן א רעכטע און רעאַקציאָנערע זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אַנשטאַט דערמעגלעכן אַן אַרבעטער־קאָאַליציע אין דער גרעסטער ישראלדיקער שטאָט. אַזוי איז דער מוניציפּאַלער שטח פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ענין פון קנוניהס און קעגנזייטיקע קאָנצעסיעס צווישן די רעליגיעזע, ״חירות״ און אַלגעמיינע ציוניסטן, אָדער צווישן מפא״י, די רעליגיעזע און פּראָגרעסיווע, — צי אַנדערע קאָמבינאַציעס פון גרעסערע און קלענערע ליסטעס.

די רעזולטאַטן האָבן לאַנג נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. באַזונדערס אין די גרויסע שטעט האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן די שרייענדיקע דיספּראָפּאָרץ צווישן די אָרעמע קוואַרטאַלן,

ניִשט־ברוקירטע און אומבאַלויכטענע געסלעך, שלעכטע שול־געבײַדעס און אַ "צווייטע שיכט" צווישן די רחבותדיקע, שיין באַלויכטענע און אַספאַלטירטע גאַסן און טראָטואַרן, מיט די מאָדערנע הייזער און ווילעס. די שטאָטישע שטייערן האָבן געצאָלט אלע – אָבער פריווילעגירט איז געוואָרן דער טייל איינוווינערס פון די נייע קוואַרטאַלן, מיטן צושטעלן זיי אַלע נייטיקע מוניציפּאַלע באַדינונגען.

די פינאַנס־פּאָליטיק פון אונדזערע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען איז אויך געפירט געוואָרן אויף אַ גאָר "אָריגינעלן" אופן: פאַר אַדורכפירן קאַנאַליזאַציע, פאַר פלאַסטערן וועגן און לייגן טראָטואַרן – זאָל צאָלן דער איינוווינער; פאַרן לערנען די קינדער אין די שולן, הגם דאָס אַלגעמיינע געזעץ זעט פאָר אומזיסטיקע בילדונג – זאָלן צאָלן די עלטערן; פאַר וואַסער, אַרויספירן מיסט און ענלעכע שטאָטישע באַדינונגען, האָט מען געהייסן צאָלן באַזונדער, שוין אָפּגערעדט פונעם אַלגעמיינעם מוניציפּאַלן שטייער. וואָס שייך דעם לעצטן, האָט מען זיך נישט געוואָלט שיידן מיט דער מאַנדאַט־ירושה. די קובאַטור פון דער וווינונג האָט באַשטימט די הייך פונעם שטייער. האָט אַ ייד אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס געמעגט וווינען אין אַ רחבותדיקער, הגם חרובער צוויי־צימער וווינונג אין יפו, איז זיין שטאָטישער שטייער געווען אַ גרעסערער פון דעם איינוווינער אין צפון תל־אביב, וואָס באַוווינט צוויי קאָמפאָרטאַבלע צימערן.

קאָן געמאָלט זיין, אַז דאָס אַרויסשטעלן פאַרטייאישע וואַל־רשימות צו די שטאָטראַטן, פונקט ווי צו דער כנסת, וועט גיכער העלפן אָריענטירן דעם וויילער, אַז אויך אויפן מוניציפּאַלן געביט דאַרף זיין אָפּשטימונג זיין אַ קלאָרע און אַנטשלאָסענע. די כלערליי שטאָטישע גבאים און קאָכלעפל וואָס רייסן זיך צום בענקל, אונטערן מאַנטל פון ספרדישע רשימות, צי לאָקאַלע קהלס פאַרזאָרגערס, האָבן ביי די פּאָריקע וואַלן געהאַט דורכפאַלן און לאָמיר האָפן, אַן אויך דאָסמאָל וועט מען זיך אויף זיי דערקענען.

דער פאַרמעסט אַרום די שטאָטראַטן פירט זיך איבער אַזעלכע עיקרדיקע פּראָבלעמען:

די הייך פון די שטייערן און דער אופן פון זייער פאַרטיילונג;

די באַדינונגען מצד דער זעלבסטפאַרוואַלטונג;

דער כאַראַקטער פון דער מוניציפּאַלער געזעצגעבונג;

וועגן מער אויטאָנאָמיע די שטאָטישע און אָרטיקע ראַטן.

זאָל מען נישט גרינגשעצן די דאָזיקע ענינים! זאָל אויך אויף דעם פּאָליטישן שלאַכטפעלד פּאָרקומען אַן אַנטשיידונג וואָס זאָל אַריינברענגען די געגאַרטע ענדערונג, אָנזאָגן אַן אַנדערן קלימאַט און די נייטיקע פארלייכטערונגען, וואָס וועלן דער מוניציפּאלער ווירטשאפט געבן שווונג און פאַרמעסט צו פאַרבעסערן און פאַרגרינגערן דאָס לעבן פונעם שטאָטישן איינוווינער, באַזונדערס אין די פאַרנאַכלעסיקטע קוואַרטאַלן.

(י"ש ת"א, 29.10.59)

# א הסכּם — אָדער באַדינגונגסלאָזע קאַפּיטולאַציע?

נישט קיין פריילעכע אָנזאָגן בנוגע דעם צוזאַמענשטעל פון דער נייער רעגירונג, לאָזן איצט הערן די וואָרטזאָגערס פון מפא"י. באַזונדערס אַקטיוו אויף דעם געביט איז זייער ראש־המדברים אַליין – דוד בן־גוריון. זיינע אַרויסזאָגונגען און באַדינגונגען פאַר דער צוקונפטיקער קאָאַליציע, דערמאָנען גיכער די שפּראַך פון אַ "פּאָזיציע פון כוח", איידער אַן אויפריכטיקער ווילן צו באַנייען די נאָרמאַלע רעגירונג־טעטיקייט מיט די דריי חלוצישע אַרבעטער־פּאַרטייען בראש.

שוין צומאָרגנס נאָך די וואַלן האָט בן־גוריון זיך צוגעאייַלט מיט אַן אינטערוויו פאַרן קאָרעספּאָנדענט פון "ידיעות אחרונות", דערקלערנדיק, אַז די בכורה אַריינגענומען צו ווערן אין דער רעגירונג וועלן האָבן יענע פּאַרטייען, וואָס זענען אָנהענגערס פון רעגיאָנעלע מערהייט־וואַלן. מיט אַנדערע ווערטער: אַזוי ווי מפּ"ם, אחדות־העבודה, די פּראָגרעסיווע, ביידע רעליגיעזע פּאַרטייען –

די עווענטועלע שותפים פון מפא״י צו בילדן די נייע רעגירונג — זענען אַנטשלאָסענע קעגנערס פון ״ענגלישע וואַלן״ אין ישראל, איז בלויז פאַר די אַלגעמיינע ציוניסטן, די אָנהענגערס פון בן־גוריונס וואַל־סיסטעם — ברייט צעעפנט דער קאָאַליציע־טויער. זענען אָבער די ציונים־כלליים אַזוי מיאוס אַדורכגעפאַלן, אַז זייערע 8 דעפּוטאַטן וועלן בשום אופן נאָך נישט זיכערן די געגאַרטע מערהייט אַדורכצוזעצן דעם באַשלוס, מיינט עס דערייבער אַן אָנצוגעהערעניש (אויב נישט — אַ דיקטאַט) די קעגנערס פון די קרייז־וואַלן, זיי זאָלן טוישן די מיינונג, ווייל נאָר דאָס קאָן זיי דינען אַלס דורכלאָז־שיין אַריינצוקומען אין דער רעגירונג.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מפא״י עטוואָס אַראָפּגעלאָזט פון טאָן. דעם ענין קרייז־וואַלן, הגם זי באַטראַכט אים נאָך פאַר איר הויפּט־ציל, איז אויפן ספּעציעלן ״נצחון־צוזאַמענפאָר״ פון די מפא״ישע וואַל־שטאַבן אין תל־אביב אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן דריטן אָרט, נאָך די צוויי אַנדערע פונקטן, וואָס דאַרפן דינען אַלס יסוד צונויפצושטעלן דעם נייעם קאַבינעט. בן־גוריון האָט זיי פאָרמולירט אויף אַזאַ אופן:

א) מפא״י איז גרייט צו באַטייליקן אין דער רעגירונג יעדע איינע פון די קאָנסטרוקטיווע פראַקציעס אין כנסת, אויסער ״חירות״ און מק״י.

ב) מפא״י וועט נישט משלים זיין מיטן זיצן פון וועלכער עס איז פראַקציע אין דער רעגירונג אויף צוויי בענקלעך — פון דער קאָאַליציע און אָפּאָזיציע. מפ״ם און אחדות־העבודה דאַרפן ביי זיך באַשליסן, אויב זיי ווילן זיצן אין דער רעגירונג, אָדער אויסער איר. די זאַך איז אָפּהענגיק פון זיי. ביידע זאַכן צוזאַמען — וועט זיי נישט געגעבן ווערן.

ג) אויך אויף להבא וועט דאָס ענדערן דעם וואַל־סיסטעם זיין דער העכסטער ציל פון מפא״י, ביז זי וועט דערגיין צו אַן אַבסאָלוטער מערהייט אין כנסת.

וואָס לאָזט זיך אַרויסדרינגען פון די דריי פונקטן?

אַז טראָץ דעם ערנסטן צוזוקס פון שטימען און מאַנדאַטן פאַר מפא״י אין די לעצטנס פאָרגעקומענע כנסת־וואַלן, איז די מאַכט־גייציקייט און דער ווילן צו אַליינהערשאַפט אַזוי גרויס, זייער שטרעבונג צו דיקטירן אַנדערע איז אַזוי שטאַרק, אַז אפילו דער איצטיקער דעמאָקראַטישער וואַל־רעזשים, וואָס האָט דער דאָזיקער פּאַרטיי געזיכערט אין משך פון עלף יאָר מדינה־עקזיסטענץ אַ מערהייט אין פאָלק און אין זיינע לעגיטימע אינסטאַנצן — דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן. מפא״י, וואָס קריטיקירט מיט אַזאַ אייפער טאָטאַליטאַרע רעזשימען און האָט טענות קעגן דער אַליינהערשאַפט פון געוויסע פּאַרטייען ביי אַנדערע, וויל דאָס איינפירן ביי אונדז.

און נאָך אַ דורכזיכטיקער ציל איז פאַראַן דערביי: אויב מען וועט דאָס לאַנד אָריענטירן אויף אַזאַ צענטראַל פּראָבלעם ווי קרייז־וואַלן — טאָ ווי מינדערוויכטיק וועלן שוין זיין די פראַגן פון עליה און קליטה, פון זיכערקייט און שלום, פון אַ גערעכטן שטייער־עול, פון אַ העכערן לעבנס־ניוואָ פאַר דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, פון דעראָבערן וויסטענישן, פון באַנייען דעם חלוצישן שווונג, פון גרייטן זיך אויפצונעמען דעם דריטן מיליאָן?

*

ווען בן־גוריון איז גרייט אַלע אַנדערע פּאַרלאַמענטאַרישע פראַקציעס אַריינצונעמען אין קאַבינעט, רוקט ער נישט אַרויס קיין ספּעציעלע פאַרלאַנגען אויפן אַדרעס פון אגודת ישראל, מזרחי צי די פּראָגרעסיווע. זיינע עיקר טענות זענען געווידמעט די צוויי חלוצישע אַרבעטער־פּאַרטייען. גראָד פאַר זיי שטעלט ער גלייך אַוועק אַ מחיצה פון באַוואָרענישן, אַריינזאָגענישן, פּאַרדאַכטן און באַדינגונגען, דיקטירנדיק זיי פריער פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע, אַנשטאַט זיך אַוועקזעצן ביים טיש און פאַרהאַנדלען. דער אמת איז אָבער דער, אַז בן־גוריונס האַרץ איז נישט געניגט צו באַנייען די חלוצישע שותפות. זיין וואַל־דערפאָלג, באַזאַמען מיט דער ירידה פון אחדות־העבודה, שטעלן אים אַוועק אין דער ראָל פון אַ דיקטירער, פון אַ זיגער אין שלאַכט — און נישט ווי אַ קאָנטראַהענט צו פירן אַן אַנשטענדיקן משא־ומתן, דערגיין צו אַ הסכם און דאָס וויכטיקסטע — זאָרגן אַז אַזאַ הסכם זאָל ווערן אָפּגעהיטן.

ווייל דאָס "זיצן אויף צוויי בענקלעך" איז קודם־כל געווען אַ רעזולטאַט פון פרעמיערס איינזייטיקן ברעכן די גרונט־ליניעס און אַדורכפירן אויף אייגענער האַנט ערשטראַנגיקע פּאָליטישע אַקציעס, וואָס פאָדערן די באַשטעטיקונג פון דער גאַנצער רעגירונג. ווער נאָך ווי בן־גוריון ווייסט, אַז אין פיל פאַלן האָט ער זיך לגמרי נישט גערעכנט מיט די מיניסטאָרן פון מפ"ם, אחדות־העבודה און אָפּטמאָל "פאַרגעסן" אין דער עקזיסטענץ פון פּראָגרעסיוון יוסטיץ־מיניסטער. אַזוי איז געווען ביי דער סיני־אַקציע, אַזוי איז געווען מיטן שיקן אַ "הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייט" צו אַדענאַוערן און אַזוי איז געווען מיט דער געווער־טראַנזאַקציע מיט מערב־דייטשלאַנד.

קלאָר, אַז דאָס קאָן נישט זיין קיין באַדינג פאַר ביידע חלוצישע פּאַרטייען – צושטימען מיט יעדער האַנדלונג פון מפא"י, אַפּלאָדירן יעדן באַשלוס פון בן־גוריון. קאָלעקטיווע אחריות און איינפאַרשטאַנענע אָפּמאַכן, דערגרייכטע מיט גוטן ווילן, אויפריכטיקער פריינדשאַפט און צוטרוי, וועלן נישט נאָר צואיילן דאָס אויפשטעלן די געגאַרטע רעגירונג, וועמען אַ מערהייט פון פאָלק האָט דאָך געשאָנקען צושטימונג, טראָץ געוויסע ענדערונגען, נאָר אויך העלפן איר פאַרווירקלעכן די היסטאָרישע אויפגאַבן פון דער מדינה.

עס פאָדערט זיך אַ חברישער הסכם און צוניפריידונג מצד אַלע דריי אַרבעטער־פּאַרטייען – און נישט באַדינגונגסלאָזע קאַפּיטולאַציע פון צוויי כלפי איינעם.

(י"ש ת"א, 12.11.59)

# הלל רום האָט געגעבן דעם ענטפער

"פאַרוואָס דווקא זאָלט איר שטרייקן ביי אונדז?" – האָט דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט אין הרצליה געפרעגט דעם אַרבעטלאָזן הלל רום, וואָס האָט זיך "באַזעצט" אין הסתדרות־הויז, פאָדערנדיק באַשעפטיקונג. אויף דעם איז געקומען אַן ענטפער: "דאָ איז מיין הויז. און ווו זאָל דער אַרבעטער זיך ווענדן, אויב נישט צו דער הסתדרות?"

דער דאָזיקער ווערטער־געפעכט צווישן א פאַראַנטוואָרטלעכן הסתדרות־טוער און אַן ארבעט־זוכנדיקן מענטש, האָט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט ווידער אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון אַן אַדרעס פאַר אַ פּראָלעטאַריער, וואָס געפינט זיך אין אַ נויט, נאָר געפינט נישט קיין אָפּן האַרץ ביי די וואָס זיצן אין הסתדרות־הויז און באַגערן, אַז מ'זאָל נישט שטערן זייער רו, די טעלעפאָן־געשפּרעכן, דעם טיי טרינקען, דעם דערפילן זייער אַמט, אויף וועלכן די זעלבע ארבעטער האָבן זיי ארויפגעזעצט...

פאָרמעל, איז דער סעקרעטאַר אפשר גערעכט. פאַראַן ביי אונדז אַ מלוכהשע ביוראָ פאר ארבעט־פאַרטיילונג, די א.ג. לשכת־העבודה; ס'עקזיסטירט אַ געזעלשאַפט "המשקם" צו העלפן איינאָרדנען אינוואַלידן און באַגרענעצטע; ס'איז דאָ אַ "מלבן" – אויסער פּאַרטייען און אינסטיטוציעס, וואָס זאָרגן אויסצוגעפונען פאַרן נויטבאַדערפטיקן דעם קוואַל צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. מיט איין וואָרט – ס'פעלן נישט קיין אַדרעסן פאַר די וואָס זוכן אַן אָנהאַלט אין לעבן און ווילן בכבוד מפרנס זיין זיך און די משפחה. נאָר איבער די אלע אַנשטאַלטן און אינסטאַנצן, עקזיסטירט אויך, נישט אויסגערעט זאָל עס זיין, פּראָטעקציע. אַ ביסל קאנטשאפט, היימישקייט, אַ ידידי־בריוול, אַ טעלעפאָן פון אַ פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, אַ לעגיטימאַציע־ביכל פון אַ באַשטימטער באַוועגונג, אַ "טובהלע" – זענען מסוגל גיך צו עפענען דעם טויער פון אַן אַרבעט־פּלאַץ, איידער פאַכמענישקייט, מאַטעריעלע נויט און אפילו אַ גרויסע משפחה פונעם ארבעט־זוכנדיקן.

אויב אַזוי – צו וואָס איז הלל רום דווקא געלאָפן צו דער הסתדרות, און באַלד מיט אַ זיץ־שטרייק? דאָס שמעקט דאָך מיט קראַמאָליע, רחמנא לצלן! צו אַזעלכעס איז מען נישט געוווינט אינעם הויז פון די הרצליהער אַרבעטער...

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז הלל רום וואָס האָט פּראָקלאַמירט דעם זיץ־שטרייק (און טאַקע "אויסגעזעסן" גאַנצע 10 טעג), האָט אויפן ריכטיקן אופן געפירט דעם קאמף פאַר די

עלעמענטאַרע רעכט פונעם אַרבעטער. די דאָזיקע מיינונג ווערט נאָך באַקרעפטיקט מיטן פאַקט, אַז הלל רום איז פון דעם דאָזיקן האַרבן, אומגלייכן, הגם גערעכטן פאַרמעסט, דאָך ארויס דער זיגער.

נאָר לאָמיר דערציילן מיט אַ טאָלק:

אין יאָר 1946 האָט הלל רום עולה געווען קיין ישראל. די איינוואוינער פון זיין שכונה האָבן אים אין משך פון די 14 יאָר פון זיין וווינען אין הרצליה, געקענט אַלס ערלעכן האָרעפּאַשניק, געזעלשאַפטלעכן טוער און טרייען פאָטער פון אַ פאַמיליע. ער האָט אויך געדינט אין צה״ל. אומקערנדיק זיך צום ציווילן לעבן, האָט ער געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ ״צרכניה״. מען האָט באַוווּנדערט זיין אַרבעטזאַמקייט און דער עיקר – דעם פיזישן כוח ביים אויספירן די סאַמע שווערסטע אויפגאַבן, ביז ער האָט זיך איינגעבראָכן. דאָס געזונט האָט זיך פון אים אָנגעהויבן דערווייטערן, ער איז אַנערקענט געוואָרן אַלס אַרבעט־אינוואַליד.

און דאָ הייבט זיך אָן דאָס טראַגישע געיעג נאָך אַן אַנטשפּרעכנדיקער אַרבעט – אַ געיעג וואָס האָט הלל רומען געברענגט גאָר ווייניק פרנסה, נאָר זייער אַ סך בייז בלוט, נערוון און אנטוישונגען.

ווי קאָן מען לעבן פון צוזאָגן וועגן איינאָרדנען? און וויפל איז דער שיער צו לעבן אין דחקות, צי פון צייט צו צייט צוגעוואָרפענע ארבעטסטעג? און פאַרוואָס ווערן פאָרט צענדליקער מענטשן פון זיין שטאַנד איינגעאָרדענט אָן באַזונדערע שוועריקייטן?

הלל רום, וואָס האָט יענע וואָך זיך אָנגעכאַפּט אינעם פאַרצווייפלטן מיטל פון פירן אַ זיץ־שטרייק, האָט געוווּסט, אַז אין זיין הרצליה פּאַסירט אַוודאי דאָס זעלבע וואָס אין ירושלים, תל־אביב, חיפה און אין אַנדערע ערטער: גאָר יינגע, פיזיש־געזונטע מענטשן, אפילו אָן די נייטיקע פאַך־קוואַליפיקאַציעס, אַרבעטן זיך רויק אַלס באַאַמטע אין בענק, אין אַמטן און ביוראָען, – אויף פּאָסטנס, ווו מען וואָלט באַדאַרפט געבן פאָרצוג אַזעלכע ווי ער. הלל רום ווייסט, אַז די לייכטערע און באַקוועמערע אַרבעטן ווערן אין רוב פאַלן אוועקגעגעבן דעם פּראָטעזשירטן, דער וואָס האָט ברייטע פּלייצעס. און אזעלכן פרעגט מען נישט, צי אויך זיין פרוי אַרבעט, צי ער האָט אַנדערע הכנסה־קוואַלן. גראָד אַזעלכע הללס דארפן זיך יאָגן נאָכן נעכטיקן טאָג, כדי צומאָרגנס קאָנען שפּייזן די קינדער.

אָבער מער פאַר אַלעמען האָט ווײ־געטאָן דער פאַקט, וואָס אַן ארבעטער, וועלכער איז נישט צוליב זיין שולד ״אַרויס פון דער ריי״, זאָל זיין אויסגעשטעלט אויף כמעט כראָנישער אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, דערנידעריקונג. דעם אָנגעשטעלטן אין דער לשכה, צי דעם הסתדרות־סעקרעטאַר, האָט דאָך באַדאַרפט אַ טרייסל געבן דאָס געוויסן אין אָנבליק פון אַזאַ הלל רום, וואָס דאַרף אויסהאַלטן אַ פרוי מיט צוויי קינדער. שוין־זשע איז אַזוי שווער געווען צו געפינען פאַר אים אַן אַנטשפּרעכיקע באַשעפטיקונג?

דעם אמת געזאָגט, איז נישט שווער געווען. און מען האָט אויך געגעבן. נאָר ווי רופט מען דאָס? שיריים. אַ צוגעוואָרפן ביינדל. אָט באַשעפטיקט די אָרטיקע מוניציפּאַליטעט עטלעכע אויפזעער ביים ים־ברעג, אין משך פון די דריי הייסע זומער־חדשים – מילא, זאָל דאָרט הלל רום אַרבעטן. האָט דאָך אָבער דאָס יאָר נאָך 9 חדשים? אָט, זעט איר, אויף אַזוי ווייט גרייכן שוין נישט די חשבונות, ווי די גוטהאַרציקייט פון די ארבעטער־פאַרזאָרגער. ס׳האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אַז נאָך דריי־פיר יידן, וואָס האָבן באַזאַמען מיט הלל רום געאַרבעט אויף דער פּלאַזשע, זענען נאָכן פארענדיקן דעם סעזאָן, פארזיכערט געוואָרן מיט אַנדערע באַשעפטיקונגען אין הרצליה אויך אויף די אנדערע טעג פון יאָר. די סיבה? נישט גראָד די נויטבאַדערפטיקייט. זייער זכות איז באַשטאַנען אין... אָנגעהעריקייט צו מפא״י. און דאָס איז בפירוש גענוג געווען, אַז די יידן זאָלן זיין באַזאָרגט מיט פרנסה אויף אַלע 365 טעג אין יאָר. דאקעגן פאר הלל רום, דעם מפ״מניק, איז נישטאָ קיין אָרט אונטער דער ישראלדיקער זון. פאר אים מוז נישט זאָרגן די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואלטוג, די הסתדרות, די לשכת העבודה. אויסער דעם, האָבן די יוסטע פאָרשטייער פון די אינסטיטוציעס געטענהט, אַז אלע פּאָסטנס זענען שוין אַזוי באַזעצט, אַז פאַר הללן איז נישט פאַרבליבן קיין פונק פון האָפענונג...

און דאַן איז געקומען דער אייגנאַרטיקער פּראָטעסט.

צום הסתדרות־הויז, ווו ס׳האָט פּאָריקע וואָך געשטרייקט הלל רום, האָט זיך געטראָגן סימפּאַטיע און אַנערקענונג פאַרן גערעכטן קאַמף. אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיטן שטרייקנדיקן. און דאָס שלעכטע געפיל פון פירן די נאָרמאַלע ביוראָ־אַרבעט, ביים ״אַקאָמפּאַניאַמענט״ פון אַ שטיל דעמאָנסטרירנדיקן, נאָר אנטשלאָסענעם אַרבעטער, האָט דאָך איינגעבראָכן די דאָזיקע לייט. און — אין אַ מזלדיקער שעה! — הלל רום ארבעט שוין אויף אַ פּאָסטן, וואָס וועט אים געבן אי באַשעפטיקונג, אי פרנסה.

איר וועט פרעגן: צו וואָס האָט מען באַדאַרפט דערפירן אַ מענטש צו אַזאַ מצב? די אַרבעט וואָס האָט מען אים געגעבן איצט, האָט דאָך געקענט באַזאָרגט ווערן מיט דריי יאָר צוריק, ווי נאָר ער איז געוואָרן אַן אינוואַליד, אָדער ווינציקסטנס — פאַרן ״אַוועקזעצן״ זיך אין הסתדרות־הויז?

אויף דעם וואָלטן קודם־כל באַדאַרפט ענטפערן די הסתדרות־טוער אין הרצליה און אין אַנדערע ערטער אין לאַנד. הלל רום האָט אָבער מיט זיין האַנדלונג יאָ פאַרענטפערט איינע פון די דראַסטישע און פיינלעכע פראַגן:

— ווו זאָל זיך ווענדן דער אַרבעטער, אויב נישט צו דער הסתדרות?!

(י״ש ת״א, 25.2.60)

# די לעקציע רחובות

פּאָריקן מאָנטיק זענען אין רחובות פּאָרגעקומען, צום 2טן מאָל, וואַלן צום שטאָטראַט, נאָכדעם ווי דאָס תל־אביבער קרייז־געריכט האָט געפּסלט די וואַלן פון דריטן נאָוועמבער, צוליבן קויפמן שטימען דורך דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פאַרטיי (ליסטע ב׳). דער לעצטער וואַל־פאַרמעסט אין רחובות האָט אָבער אריינגעברענגט אַזעלכע ווייטגייענדיקע ענדערונגען און איבעראַשונגען, וואָס פאָדערן אַ ברייטערן אַנאַליז און באַלויכטונג.

**1. ווו זענען אהינגעקומען די 167 שטימען פון מק״י?**

נאָכן וואַל־בראָך פון מק״י, ווען זי האָט דעם 3טן נאָוועמבער פאַרלוירן אַ העלפט פון אירע מאַנדאַטן אין כנסת און אין אַלע מוניציפּאַליטעטן אין לאַנד באַוויזן אַריינצופירן נישט מער ווי צוויי פאָרשטייערס, האָט, ווייזט אויס, עפּעס זיך אַ טרייסל געטאָן אין דער דאָזיקער סעקטאַנטישער באַוועגונג. אַ ספּעציעלער באַשלוס פון איר פּאָליטישער קאָמיסיע האָט גערופן אָפּצוגעבן די מק״י־שטימען ביי די שטאָטראַט־וואַלן אין רחובות — אויף דער ליסטע פון מפ״ם. קלאָר, אַז אַזאַ באַשלוס ווערט ביי זיי נישט אָנגענומען יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. פאַרקערט, מיר ווייסן, אַז אין זייער גיפטיקער פּאָלעמיק מיטן קעגנער, פאַרנעמט גראָד מפ״ם דעם אויבנאָן; אַז דער ״שונא נומער איינס״ פון אַרבעטער אין ישראל איז — לויט דער אויפאַסונג פון מק״י — נישט קיין אַנדערע ווי מפ״ם; אויף איר אַדרעס זענען געווענדעט די פיילן פון העצע און שמוץ, נאָר אין רוב פאַלן באַגלייט מיט אַ ״העפּי ענד״: לאָמיר שליסן אַן איינהייטס־פראָנט...

דערפאַר האָבן אין לאַנד זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן אין דעם מק״יסטישן רוף צו שטיצן מפ״ם אין רחובות, געזען גיכער אַן אויסגעקלוגלטן מאַנעווער צו ברענגען שאָדן דער פאַרטיי, איידער איר העלפן. מק״י איז אַזוי קאָמפּראָמיטירט, אַז יעדער חברן זיך מיט איר, צי אפילו אַן אומשולדיקער פלירט, וועט נאָר וואַרפן פאַרדאַכטן אויף די וואָס שטעלן זיך אין זייערע ד׳ אמות. געווען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אינעם אויבנדערמאָנטן באַשלוס פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע געוואָלט זען אַ קער, אַ באַשטימטן ווענדפונקט אין דער ביז איצטיקער טאַקטיק פון מק״י, וואָס פלעגט זיך נוהג זיין צו צעדריבלען שטימען מיט דעמאָנסטראַטיווע וואַל־צעטלען, איידער געבן די דאָזיקע קולות פאַר אַן אַרבעטער־ליסטע וואָס האָט שאַנסן אַדורכצופירן אַ מאַנדאַט. אָפּטימיסטן פון אַזאַ אָפּשאַצונג האָבן געוואָלט גלייבן, אַז דער פאַל רחובות האָט אַ ברירה ״צו מאַכן געשיכטע״ אין די באַציונגען צווישן מק״י מיטן חלוצישן לאַגער און אַז איר אָפענער רוף צו שטיצן מפ״ם ביי וואַלן, זאָגט אָן אַ געענדערטן קורס פון מיקוניסן און זיינע חברים.

דעם אמת געזאָגט, וואָלטן מיר געוואָלט, אַז רחובות זאָל נישט זיין אַ ספּאָנטאַנע דערשיינונג, נאָר אַ טיפער איבערברוך אין דער גאַנצער אידעאָלאָגיע און טאַקטיק פון מק״י. שוין די העכסטע צייט, אַז די דאָזיקע פּאַרטיי זאָל אנערקענען דעם פשוטן אמת, אַז פּונקט ווי לענינס טעאָריעס טויגן פאַרן רוסישן פאָלק, אַזוי איז די לערע פון בער באָראָכאָוו ווי אָפּגעמאָסטן פאַרן יידישן פאָלק; אַז פון זייער פרייד מיט יעטוועדער סאָוויעטישער דערגרייכונג, זאָל כאָטש אַ ביסל שמחה איבערגעלאָזט ווערן פאַר אַ נייעם פונקט וואָס מיר שטעלן אויף אין לאַנד; אַז אַ דערפאָלגרייכע ״פּיאַטילעטקע״ אין אַלבאַניע, זאָל זיי זיין אַזוי נאָענט צום האַרצן, ווי דאָס וואסער־ווערק הירקון־נגב; אַז אַ רעדע פון מאיר יערי, זאָל ביי זיי האָבן אַ נישט וויניקער פּאָזיטיוון אָפּקלאַנג, ווי דער אַרויסטריט פון וואַלטער אולבריכט...

נאָר מאַלע וואָס מיר ווילן אַלץ! דערווייל האָט דער לעצטער וואַל־אויסגאַנג אין רחובות באַוויזן, אַז אויפן מק״יסטישן פראָנט איז נאָך נישט פאָרגעקומען די געגאַרטע ענדערונג.

ביי די וואַלן פון דריטן נאָוועמבער 1959, האָט מק״י באַקומען 311 שטימען. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ערטער אין לאַנד, איז דאָס אַ נישקשהדיקער ציפער וואָס באַווייזט, אַז דער פּראָצעס פון צעלייגונג איז נאָך נישט אַריינגעדרינגען אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. אָבער טראָץ דעם, האָבן די מאָנטיקדיקע וואַלן נישט געשאַפן פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי קיין שום רעאַלע אויסזיכט אַריינצופירן כאָטש איין ראַטמאַן – און דערפאַר איר באַשלוס צו פאַרוואַנדלען אַ פּוסטע וואַל־דעמאָנסטראַציע אין אַ רעאַלער שטיצע פאַר אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, זי זאָל יאָ באַקומען אַ מאַנדאַט. דער אויסוואַל, ווי געזאָגט, איז געפאַלן אויף מפ״ם, וואָס האָט טאַקע אַריינגעפירט אַ ראַטמאַן, וועלכן זי האָט פריער נישט געהאַט. דער דאָזיקער פאַקט האָט סיי דעם ראַדיאָ און סיי דעם רוב צייטונגען אין לאַנד, געגעבן אַ בייזווייליקע געלעגנהייט צוצושרייבן מק״י דעם וואַל־זיג פון מפ״ם. ווייל אנשטאט 711 שטימען איצט, האָט מפ״ם פריער געהאַט נאָר 567 – אַ צוּוווּקס פון 144 שטימען.

אויב אָנעמען אויף איין ווייַלע די טענות פון ״קול ישראל״ און פון דער בירגערלעכער פּרעסע, מוז מען דאָך פרעגן אַ פשוטע פראַגע: ווו זענען אַהינגעקומען נאָך 167 מק״יסטישע שטימען? שוין־זשע האָבן זיי געהערט צו די אָפּגעהאַלטענע, אָדער געשטיצט אַלע אַנדערע פּאַרטייען, אויסער מפ״ם? האָט דאָ פאַרפירט די שטאַרק־געלויבטע דיסציפּלין און בלינדע אונטערגעאָרדנקייט פון מק״י־חברים דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון זייער פּאַרטיי – אָדער די פּאַטאָלאָגישע שנאה צו מפ״ם האָט זיי אָפּגעהאַלטן פון שטיצן די ליסטע מ׳?

אויף דעם וואָלטן באַדאַרפט ענטפערן קודם־כל – די מק״י־אינסטאַנצן. זיי דאַרפן גרונטלעך אויספאָרשן דעם פאַל רחובות און אים ווידער ברענגען פאַר... דער פּאָליטישער קאָמיסיע. די מסקנות וועלן זיכער זיין איבעראַשנדיקע.

### די איינציקע ארבעטער־פּארטיי וואָס האָט געזיגט

אָבער ווי מען זאָל נישט וועלן אָנווענדן די וואַל־אַקראָבאַטיק (צי וואַל־אַריטמעטיק) כלפּי די רעזולטאַטן אין רחובות, איז אָבער קלאָר, אַז דער איינציקער אַרבעטער־כוח אין דער דאָזיקער שטאָט וואָס האָט צו פאַרצייכענען אַן ערנסטן דערפאָלג – איז מפ״ם. ווייל מפא״י, אין פאַרגלייך מיטן דריטן נאָוועמבער, האָט פאַרגאַנגענעם מאָנטיק פאַרלוירן 450 שטימען, הגם זי האָט איינגעהאַלטן אירע פינף מאַנדאַטן. אחדות־העבודה – פּועלי־ציון האָט געהאַט אַ פאַרלוסט פון 162 שטימען. מק״י האָט בכלל נישט ריזיקירט מיטן אַרויסשטעלן אַן אייגענע ליסטע. פון אַלע הסתדרותישע פּאַרטייען, האָט בלויז מפ״ם צו פאַרצייכענען אַ צוּוווּקס פון 144 שטימען און איין מאַנדאַט.

די דאָזיקע ציפערן מאַכן צונישט די ווערסיע פון יענע צייטונגען, אַז אַ דאַנק מק״י האָט מפ״ם זוכה געווען צו אַן אויפשטייג. פאַרוואָס זאָל מען מיינען, אַז גראָד מק״יסטישע שטימען זענען געגאַנגען פאַר מ׳? אויב אַזוי – ווו זענען אַוועקגעקומען די העכער 600 שטימען פון א׳ און תו? שוין־זשע האָבן די פריערדיקע אָנהענגער פון מפא״י און אחדות־העבודה, נישט וועלנדיק מערער

שטיצן זייערע פּאַרטייען, אויך זיך אָפּגעטרייסלט פון מפ״ם? ווי מען זאָל אָבער נישט וועלן זיין פּראַקטיש מיט אָפּשאַצונגען, מוז מען אָנעמען, אַז אינעם צוגאָב פון די 144 מפ״מישע שטימען, פאַרנעמען גראָד די ״אַנטוישטע״ אין די צוויי אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין די שטימען פון מפ״ם. אַלנפאַלס — אַ וויכטיקערע ווי די וואָס זענען געקומען פון דער ״שטיצע״ פון מק״י.

די אַלע דערשיינונגען קאָן מען אויך פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דער אַלגעמיינער גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע וואָס האָט געהערשט ביי די צווייטע וואַלן צום רחובותער שטאָטראַט. ווייל העכער טויזנט ווילער זענען דאָסמאָל נישט געגאַנגען צו דער אורנע. דאָך האָט די אָפּגעהאַלטנקייט פון אַזויפיל ווילער (וואָס האָט געטראָפן און כמעט אַלע ליסטעס אין רחובות), נישט נאָר ניט אָנגערירט דעם ״אייזערנעם פאָנד״ פון מפ״ם, נאָר אים נאָך צוגעגעבן כוח.

### די ירידה פון רעכטן לאַגער

״הימין שלנו בירידה״ — האָט געשריבן ד״ר ה. ראָזענבלום, דער רעדאַקטאָר פון ״ידיעות אחרונות״. אויף מאַמע־לשון הייסט דאָס, אַז אונדזער רעכטער לאַגער קייקלט זיך באַרג־אַראָפּ. און מיר מוזן פולשטענדיק מסכים זיין מיטן סאַמע האַרציקסטן פריינד פון דער ישראלדיקער בורזשואזיע און אירע פּאָליטישע פּאַרטייען — ״חירות״ און די אַלגעמיינע ציוניסטן. פאַר וואָס טאַקע נישט רעדן וועגן ירידה, אַז פון דריי מאַנדאַטן וואָס דיביידע פּאַרטייען האָבן אַריינגעכאַפּט אין די פּאָריקע וואַלן, האָבן זיי פאַרלוירן אַזש... צוויי! אָנווערן צוויי מאַנדאַטן אין משך פון אַכט וואָכן, איז אַפילו צופיל פאַר פּאַרטייען וואָס הייבן אָן ממש אַראָפּצוגיין פון דער אַרענע. און אַז ״חירות״ זאָל פאַרשפּילן איר איינציקן ראַטמאַן — האָט מען זיך אויך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. אָבער אַ פאַקט איז, אַז בעגין און בערנשטיין האָבן פון די לעצטע וואַלן אין רחובות נישט געהאַט קיין נחת.

אָבער שטוינענדיק איז פאָרט דער זיג פון דער רעליגיעזער פּאַרטיי מזרחי — הפועל־המזרחי, וואָס צוליב איר אייגנטלעך האָט מען באַשטימט איבערצוחזרן דעם וואַל־ספּעקטאַקל. דאָס געריכט האָט די מנהיגים פון דער ליסטע ב׳ באַשולדיקט אין געבן געלט פאַר שטימען, וואָס האָט דערפירט צום פסלען די וואַלן. דער ווילער האָט באַדאַרפט באַשטראָפן די גאָטספאָרכטיקע יונגעלייטלעך וואָס האָבן מיטן וואַל־נצחון זיך נישט פאַרלאָזט אויפן רבונו־של־עולם, נאָר געצאָלט אין מזומנים פאַרן אַריינלייגן זייער שטימצעטל. דאָך האָט דער ווילער איבעראַשט, שטאַרקנדיק די דאָזיקע פּאַרטיי מיט נאָך שטימען און נאָך איין מאַנדאַט! דער גלויביקער ייד, אנשטאט פּאַרטיידיקן דעם כבוד פון דער דעמאָקראַטיע, ווי דאָס האָט געטאָן אונדזער געריכט און געבן איבער די הענט די וואָס פאַרוואַנדלען רעליגיעזע געפילן אין אַ וואַל־האַנדל, האָט זיך גאָר אָנגענומען זיין דער קריוודע פון די דאָזיקע טוערס און זיי געשענקט מער צוטרוי ווי פריער. אַן ענלעכער צוּוואוקס שטימען, הגם אין אַ פיל קלענערן פּראָצענט, האָט זיך געלאָזט מערקן ביי די פועלי אגודת ישראל און ביי די צוויי רשימות פון תימנער און ספרדים. נישט אַנדערש, אַז די השפעה פון אונדזער קלער אויף באַדייטנדיקע טיילן פון דער באַפעלקערונג, באַזונדערס אויף די מזרח־עדהס, איז אַ גרויסע. און אויך אין דעם פאַל לאָזט רחובות עפּעס לערנען.

### די אלטע ברירה

די וואַלן זענען שוין פאַרענדיקט, די סך־הכלען אונטערגעצויגן און מען דאַרף איצט אויפשטעלן אַ קאָאַליציע. די דריי חלוצישע אַרבעטער־פּאַרטייען באַזאַמען מיט דער תימנער ליסטע וואָס איז פאַרבונדן מיט מפא״י, דיספּאָנירן מיט 8 ראַטמענער פון 15 — אַ מערהייט אויף אויסצובילדן אַן אַרבעטער־קאָאַליציע. אויך אין רחובות ליגט דער שליסל דערפון אין די הענט פון מפא״י. וועט זי זיך פירן ווי אין חיפה, חולון, באר־שבע, אזור, עכו, נהריה, הרצליה, כפר־סבא, כרכור, באר־יעקב און אַנדערע ערטער, באַזייטיקנדיק מפ״ם פון דער מוניציפּאַלער אָנפירונג, אָדער וועט זי דערמעגלעכן דער שטאָט אַ פּאָרגעשריטענע, חלוצישע אַרבעטער־קאָאַליציע? די אַלטע ברירה פון אויסקלויבן זיך אַ שותף פון רעכטס און פון דעם פרומען לאַגער, אָדער זוכן זיך אַ פאַרבינדעטן צווישן די

הסתדרותישע ריכטונגען – איז אויך אין רחובות געוואָרן אַקטועל. דער ווייצער האָט דאָרט געזאָגט זיין וואָרט – און די וואָס האָבן געפּאָדערט פון אים צוטרוי, טאָרן נישט מיסברויכן מיטן ווייצערס פאַרלאַנג!

(י״ש ת״א, 11.2.60)

# דאָס בר־מצווה יאָר פון ישראל

מיטן איצטיקן ראש־השנה טרעט מדינת ישראל אַריין אין 13טן יאָר פון איר קיום. די בר־מצוה וועט מען ערשט פּייערן אין יום העצמאות – אָבער שוין איצט פאַרמאָגט אונדזער מדינה, לויט דער יידישער הלכה, איר רייפקייט־עלטער און גענוגנדיקע מאָס זעלבשטענדיקייט, ממש ווי אַ דערוואַקסענער...

אויב וואַרפן אַ בליק אויף צוריק, זענען די אָפּגעלאָפענע קינדער־יאָרן פון מלוכהשער זעלבשטענדיקייט געווען פון אַזעלכע געוואַגטע פאַרמעסטן און אויפטוען, וואָס פּאַסן גיכער פאַר גאָר אַלטע מדינות. דאָס אויפנעמען און אײַנאָרדענען אַ מיליאָן אויסגעוואָרצלטע יידן פון קנאַפּע הונדערט לענדער מיט 70 לשונות; דער ראַשיקער בוי־טעמפּאָ; די אַנטוויקלטע לאַנדווירטשאַפט און אויסגעוואקסענע אינדוסטריע; דער געזעלשאפטלעכער, קאָאָפּעראַטיווער און אַרבעטער־סעקטאָר אין די וויכטיקסטעווירטשאַפט־צווייגן; די קרוין פון לאַנד – הומדערטער קיבוצים און מושבים; די אנערקענונג פאר ישראל אין דער גרויסער וועלט – זענען דערגרייכט געוואָרן גראָד אין די ערשטע 12 יאָר, ווען ביים סאַמע געבורט איז מען באַפּאַלן געוואָרן דורך אַ סטאַדע וועלף, וואָס האָבן דאָס ניי־געבוירענע באַשעפעניש געוואָלט פאַרצוקן. אַ וועלט האָט געשטוינט און מיר גופא האָבן שטאָלצירט, וואָס ס׳איז אונדז געלונגען איבערצווינדן די אַלע קינדער־קראַנקייטן, איבערטראָגן די בייזע געוויטערס און – דערלעבן צום בר־מצוה יאָר.

אָבער באַזאַמען מיט דעם אידעישן און הערשישן, מיטן פּאָזיטיוון און מוסטערהאפטן, האָט זיך געמומען שלענגלען אַ פּאַראַלעלער וועג פון פאַרגעסונג און פאַרלייקענונג, פון נעגאַציע און ניהיליזם. דאָס ספּעציפיש־ישראלדיקע, דאָס חלוציש־וואָלונטערע, האָט אין לויף פון די ווייניקע יאָרן פון מדינה־קיום אָנגעהויבן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר ״כדאיניקעס״ און קאַריעריסטן, פאַר פּאַראַזיטישע און זיך באַרייכערנדיקע שיכטן. מיר האָבן אָנגעהויבן ווערן ״ככל הגויים״ – מיט אַ ״גאָלדענער״ יוגנט, וועמענס צייגער פון פאַרברעכערישקייט שטייגט פון יאָר צו יאָר; מיט אַ קלעריקאַליזירט עפנטלעך לעבן; מיט אַ טאָטאַל אָפּטרייסלען זיך פון אַרבעטער־ווערטן און אידעאַלן; פון אַ בהדרגהדיק ליקווידירן דערגרייכונגען; מיט אַ שיקלען אין איין זייט ביים פירן די ישראלדיקע אויסערן־פּאָליטיק; מיט אַ שטיפמוטערישער באַציונג צו די מינדערהייטן אין לאַנד.

דאָס צעטל קאָן מען ציען ווייטער. אָבער דאָס פריער אויסגערעכנטע באַרעכטיקט הויך אויסצושרייען: גענוג! אָפּשטעלן דעם באַרג־אַראָפּ, גובר זיין די יצרים, ווי דער יידישער מינהג מיינט, אַז דער בן־מצוה־עלטער איז די רייפסטע צייט דערפאַר. אלע אונדזערע האנדלונגען, אויפן אויסערלעכן ווי אויפן אינערלעכן פראָנט, ריכטן לויטן אייגענעם אינטערעס, מיטן ישראלדיקן וועג – דעם וועג פון חובבי־ציון און ״השומר״, דעם דרך פון חלוץ און קיבוץ, פון טריי בלייבן דער הערלעכער טראַדיציע פון הגנה און פלמ״ח.

צוריק צו אַלטע ווערטן אין דער באַנייטער מדינה – אַזאַ איז אונדזער ניי־יאָר ווונטש אינעם רייפקייט־יאָר פון מדינת ישראל.

(י״ש ת״א, 21.9.60)

# א באזוך אין ווייַנגאָרטן פון שלום

דער מיט מענטשן פארפולטער לאסט־אויטאָ איז אַרייַנגעפאָרן אינעם טויער פונעם קליינטשיקן ישוב אויפן סאַמע גרענעץ מיט מצרים: כרם שלום. אויפן גערדאַנק איז געקומען די סטראָפע פון פרצעס "מאָניש": אין קיניגרייך פוילן/האַרט ביי דער גרענעץ/ליגט זיך אַ שטעטל/גרויס ווי אַ גענעץ... יאָ, כרם שלום איז טאַקע גרויס ווי אַ גענעץ, אָבער זיינע איינוווינערס, די יוגנטלעכע וואָס באַלאַנגען צו נח"ל־פאָרמאַציעס, נישט זיי גענעצן דאָרט און נישט זיי וועלן אין זייער "אידעישער עילוישקייט" אַרונטערפאַלן דער השפעה פון אַ לילית... דער ענין מיליטער־דינסט איז ביי זיי טאַקע אַ פליכט, אַ מלוכהשער חוב. אָבער באַלאַנגען צו אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אַוועקגיין אין קיבוץ, ווידמען זיך דער לאַנדווירטשאַפט און גלויבן אין אידעאַלן – דאָס, זעט איר, ווערט שוין געטאָן פון אייגענעם רצון, אויס לויטערע אידעישע מאָטיוון. זיצט מען אויפן גרענעץ מיט דער ביקס אין איין האַנט און דעם אַקעראייזן – אין דער אַנדערער. און געטאָן ווערט עס מיט אַזויפיל פשטות, אויפריכטיקייט און יוגנטלעכן ברען, אַז אַ שטאָטישער ייד הייבט אָן ציען מיט די אַקסלען און זאָגן: "אויב אַזאַ יוגנט איז נאָך פאַראַן אין דער מדינה – מעג מען שלאָפן רויק"...

*

אויך די איינוווינער פון כרם שלום זענען רויק. צו דער רויקייט פונעם שבתדיקן טאָג, איז נאָך צוגעקומען די פרייד פונעם איצטיקן באַזוך פון די עלטערן. און די מעשה איז אַזוי געווען: אונדזער ראַדיאָ "קול ישראל" האָט אין די ראש־השנה טעג כסדר געמאָלדן וועגן די פאַרפולטע שולן מיט מתפללים, צווישן זיי – פיל זעלנער וואָס זענען געקומען אַהיים אויף אורלויב. ס'האָט זיך געשאַפן אַ פאַלשער איינדרוק, גלייך נאָר די חיילים וואָס בעטן צו גאָט, האָבן אין די יומטוב־טעג זיך געקענט פרייען מיט זייערע היימען... אַזוי ווי די נח"ל־חברה פון כרם שלום האָט מען נישט געגעבן קיין "חופש", איז מען בלית־ברירה געבליבן אויף דער גרענעץ. אָבער מיט טאַטע־מאַמע און מיטן קלענערן ברודערל צי שוועסטערל, ווילט זיך שטאַרק זען. באַשליסט מען אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט פון דער באַשיידענער סאָלדאַטישער פענסיע, מען דינגט לאַסט־אויטאָס און... זאָלן די עלטערן קומען צו זיי. ווי אין פסוק שטייט: אַז דער באַרג איז נישט געקומען צו מוכאַמעדן, איז מוכאַמעד אַוועק צום באַרג. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ איניציאַטיוו פון די קינדער, איז געשטיצט געוואָרן דורך דער באַרופענער מיליטערישער מאַכט. און דערפאַר האָבן עטלעכע.צענדליק טאַטע־מאַמע און אייגענע פון רמת־גן, רחובות און ירושלים, געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן כרם שלום.

פאַרוואָס אַזאַ נאָמען? דערציילט ירוחם, אַז נישט ווייט האָט זיך געפונען אַן אַראַבישער ווייַנגאָרטן וואָס האָט געהערט צו איינעם אַבושאַלעם. דערפון דער נאָמען כרם שלום. אויף יידיש מיינט דאָס – דער ווייַנגאָרטן פון שלום. אויב נאָכזוכן אין תנ"ך, וועט מען אפשר געפונען אַן אָנדייט צי אַ זכר פון דעם אָרט און זיין נאָמען. אָבער וואָס איז וויכטיק דער נאָמען? קלינגט דען נישט שיין דער ווייַנגאָרטן פון שלום? איר וועט זאָגן, אַז אַזאַ נאָמען אַנטשפּרעכט נישט דעם כאַראַקטער פונעם אָרט? ווייל ווי קומט אַ מיליטערישער פונקט זאָל טראָגן אַזאַ פאַציפיסטישן נאָמען? אָבער אויך אין דעם שטעקט אפשר איינער פון די סודות פון דער ישראלדיקער אייגנאַרטיקייט: טאַקע אַ באַוואָפנטער פונקט אויפן סאַמע גרענעץ; טאַקע איינער פון די רינגען אין אונדזער זיכערהייט־קייט; טאַקע אַ ישוב מיט אַ מיליטערישער איינהייט – אָבער דער הערשנדיקער גייסט דאָרט, די אַטמאָספער, די איינשטעלונג פון די מענטשן איז – אַ לויטער פרידלעכע.

*

גענוג בלויז אָנקוקן די דאָזיקע חברהלייט, זייערע פעסטע, זיכערע טריט; זייער אָפּטימיסטישן שמייכל; דעם אָריגינעלן הולך – אַ פּאָר קורצע הויזן, בעת די איבעריקע טיילן פון קערפּער זענען אויסגעשטעלט אויף די ברענענדיקע זון־שטאַלן; און זייער ליבע צו אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיטן דאָזיקן אָרט.

זיי ווייסן, אַז כרם שלום איז אַ וואָקזאַל, איינע פון די פיל סטאַנציעס אין זייער "מיליטערישער קאַריערע". פאַר זיי איז עס אָבער אייביקער ישראלדיקער באָדן. און אויב אַזוי – דאַרף מען אים

באַאַרבעטן, פלעגן, פאַרשענערן. די וויניקע צייט וואָס פאַרבלייבט צווישן די איבונגען, ווערט אויסגענוצט צו פלאַנצן גרינוואַרג און גענישן פון אייגענע אוגערקעס, ציבעלעס, רעטאך; מען שטעלט אויף אַ הינער־שטייג מיט עטלעכע הונדערט עופות — זאָל זיין אַן אייגן שטיקל פלייש, אַן איי, זאָלן די יאַטן נישט אָפּרייסן זיך פון לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה; און פאַרוואָס נישט איינאָרדענען אַ שטאָל מיט אַ ביסל שעפּסן? זעט מען אויך דאָרט די דאָזיקע שטומע באַשעפענישן וואָס גענישן פון צערטלעכקייט און ליבע מצד יידישע זעלנער. מיט שטאָלץ ווייזן זיי אויף יעדן פאַרפלאַנצטן ביימל, אויף יעדער גרעזעלע און ביסל גרינס וואָס האָט פון דער מדבר־ערד זיך אַרויסגעריסן אויף דער אויבערפלאַך. נישטאָ דאָרט דאָס געפּיל פון זיצן אויף דערווייל, הגם היינט־מאָרגן קאָן אָנקומען אַ באַפעל זיך איבערצוטראָגן אויף אַן אַנדערן פּלאַץ.

די ריין פויערישע באַשעפטיקונגען, באַזאַמען מיט די בוי־אַרבעטן פון אויפשטעלן זיך אַ שווים־באַסיין — ווערן דורכגעפירט אויף אייגענער איניציאַטיוו, מיט אייגענע כוחות. בלויז די ערשטע הינער און עטלעכע שעפּסן האָט געגעבן די סוכנות און דער קיבוץ יד־מרדכי, פונוואַנען אַ גרויסער טייל יוגנטלעכע זענען געקומען אין כרם־שלום. זייער מבינות אויף דער אייגענער אוגערקע איז נישט קלענער פון די קענטעניש צו באַנוצן זיך מיטן "עוזי" צי מיט אַ מינענוואַרפער. צו ביידע אַרבעטן זענען זיי פלינק, איבערגעגעבן און ליבן זיי נישט ווייניקער ווי די מדינה און זייער אידעאַל.

"קוק אויף די דאָזיקע זעלנער" — זאָגט צו מיר אונדזערס אַ פריינט, אַ נייער עולה. — "אין פּוילישן מיליטער האָט מען זיי אויסגעלאַכט, געחוזקט, רופנדיק זיי "יוֹנגע קאַראַבין" ("יונה ביקס"). היינט זע זייער געשטעל, זייער האַלטונג, זייער אויסגעקאָכטקייט אין מיליטערישע ענינים — אַ וועלט האָט פאַר זיי באַקומען רעספּעקט, און די שכנים — מורא..."

אָ, די שכנים! זיי דאַרף מען קוקן אויף די הענט. און נאָך מערער — אויף די פיס... אומגעבעטענערהייט קומען זיי אויף ישראלדיקער טעריטאָריע ("ערשט ערב ראש־השנה האָט מען דערשאָסן דריי אַריינדרינגלער נעבן יד־מרדכי") לשם גניבה, רויב, שפּיאָנאַזש, דיווערסיע און מאָרד. מען דאַרף שטענדיק זיין וואַך, קאַמפּס־גרייט. און קודם־כל האָט דאָס אַ שייכות צו די וואָס זיצן אין כרם שלום. דאָרט, אויפן אָרט, האָבן זיי גוט קענען געלערנט די פּאָליטישע לאַגע פון ישראל. רעכטס פון כרם שלום געפינען זיך קאַנאַדישע מיליטער־טיילן פון די און"אָ־כוחות; לינקס — בראַזילאַנער זעלנער פון "האַמערשעלדס אַרמיי"; אַנטקעגן — דער עזה־פּאַס, די כלומרשטע אויטאָנאָמע "פּליטים־טעריטאָריע", וווּ נאַצער וועבט זיינע פינצטערע פּלענער אויפצושטעלן אַ "פּאַלעסטינער רעגירונג", אַ "פּאַלעסטינער אַרמיי". נאָר ביז וואָס־ווען, דאַרף מען אויסנוצן די דאָזיקע אויסגעוואָרצלטע מאַסע פאַר מיאוסע פּאָליטישע צוועקן, פאַר זייען שנאה און גרייטן אַנטי־ישראלדיקע פּראָוואָקאַציעס. אַלע מצרישע פּורעניותן זענען געקומען פון עזה־ראַיאָן, הגם דער מוח זייערער האָט זיך געפונען אין קאַיר.

איז עס ווידער אַמאָל איינע פון די אייגנאַרטיקע ספּעציפישע דערשיינונגען וואָס האָבן נישט זייערס גלייכן אין קיין שום מדינה אין דער וועלט: ווייטע קאַנאַדער און בראַזיליאַנער דאַרפן דינען אַלס שוץ־מויער צווישן צוויי זייער נאָענטע שכנים.

און שלמה דערקלערט דיר די דאָזיקע משונהדיקע כוחות־פאַרטיילונג אין דעם ראַיאָן פון כרם־שלום, ווי ער וואָלט אין "זיין" רמת־גן אויסגעמשלט, וווּ עס געפינט זיך דער נאַציאָנאַל־פּאַרק און דער קוואַרטאַל רמת־חן. אַ לגמרי נאָרמאַלע שפּראַך — צו אַן אומנאָרמאַלער לאַגע...

*

נאָכן אָפּעסן מיטאָג, הייבט מען זיך אָן קלויבן צוריק אַהיים. אויף די לאַסט־אויטאָס ווערט אַביסל ענגער. עטלעכע יאַטן האָבן באַקומען אורלויב און זיי נוצן אויס די פאַראַנענע קאָמוניקאַציע. שוין לאַנג נישט געווען אין דער היים, מען דאַרף אָנווינטשן טאַטע־מאַמע אַ גוט יאָר פון דער נאָענט, מיט אַ האַנט־דרוק. אמת, זיי האָבן דאָס אויך געטאָן מיט דער טראַדיציאָנעלער ווינטש־קאַרטע. אַליין, אויף אַ סטענסיל, זיך אויסגעצייכנט און אָפּגעדרוקט אייגענע "לשנה־טובה"ס: אַ יונגערמאַן מיט אַ ביקס אויפן אַקסל, אַ שטעקן אין האַנט און הינטער אים — צוויי שעפּסעלעך... די אויפשריפט:

האחוזות נח״ל כרם שלום. פון אונטן – שנת שלום (מיט גרויסע אותיות). די יונגעלייט, וואָס אונטערליגן איצט דעם קאַשאַרן־רעזשים, דער מיליטערישער דיסציפּלין – ווינטשן אַ יאָר פון שלום. אויך זייער אָרט הייסט: דער וויינגאָרטן פון שלום. אין זייערע מיילער איז עס נישט קיין פּערפידע לאָזונג, ווי ביי דיפּלאָמאַטן און פּאָליטיקער. זיי מיינען עס ערנסט און אויפריכטיק. זיי ווייסן, אַז בעת אַ מלחמה האָט אַ ברירה אין כרם שלום צו גיסן זיך בלוט און אין פרידנס־צייט וועט דער דאָזיקער ישוב פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בליענדיקער אָאַזיס.

*

די אויטאָס קומען אָן קיין תל־אביב נאָך דריי שעה פאָרן איבער אַ טייל פונעם נגב און דעם דרום פון לאַנד. די גרויסע שטאָט צינדט אָן אירע ערשטע לאָקנדיקע אָוונט־ליכט. נעבן איינעם פון די קינאָס אין צענטער שטאָט, ווו מען דאַרף אונדז אַראָפּלאָזן, ווערט איצט געוויזן אַ ״נייער״ פילם: ״דער לוין פון פאַרברעכן, דער וואָרצל פון קאָרופּציע״. אַ לאַנגער נאָמען, אָבער ווי אָנציענדיק ער איז! אַ גרויסע ריי יוגנטלעכע שלענגלט זיך נאָך בילעטן. עס איז מוצאי־שבת, דער הויך־סעזאָן פון באַזוכן אין קינאָ. אַ טייל האָבן נישט קיין געדולד צו שטיין אין דער ריי און ווילן וואָס פריער זיך צובאַקומען צום קאַסע־פענצטערל. מיט צוויי וואָכן צוריק האָט מען אין זעלבן קינאָ געוויזן אַ פילם וועגן וועלט־באַרימטן גאַנגסטער אַל קאַפּאָנע. אויך דאַן איז דער קאַסע־דערפאָלג געווען אַ גרויזיכערטער...

ווייל אַ פילם וועגן דעם זעלנער אין כרם־שלום האָבן מיר נאָך נישט, צי אַ בוך וועגן דעם אידעאַליסטישן קינד וואָס פאַרלאָזט אַ זאַטע און צופרידענע היים און רייסט איבער מיט זיין קאַריערע, צי אַקאַדעמישע דיפּלאָמען – האָט מען נאָך אויך נישט אָנגעשריבן. אָבער פילמען וועגן פאַרברעכנס און קאָרופּציע דעמאָנסטרירט מען אַ סך אין תל־אביב, אַל־קאַפּאָנישע ביכער זענען פיל פאַרקויפט געוואָרן. וואָס־זשע איז דער וווּנדער, הלמאי די ריי אָנצוקומען אין כרם־שלום ווערט אַלץ שיטערער און די רייען צו די שונד־פילמען – אַלץ געדיכטער?

(5.10.60 ,י״ש ת״א)

# די ״מיסטעריע לבון״

די ״מיסטעריע לבון״, וואָס האָט געהאַט איר אָנהייב מיט העכער פינף יאָר צוריק (באַקאַנט ווי די ״פּרשה״) און איז די לעצטע וואָכן געווען די הויפּט־טעמע פאַר שושקערייען, רכילותן און שטאַמלענדיקע פּרעסע־קאָמענטאַרן – הייבט אָן ביסלעכווייז זיך אויפקלערן. נישט געקוקט אויף דער האַרבער צענזור פון איין זייט, און אחריותפולע זשורנאַליסטישע צוריקגעהאַלטנקייט פון דער צווייטער זייט – האָט די אָל געגומען אַרויסקריכן פון זאַק. נישט ווייט איז דער טאָג, אַז מ׳וועט קענען און מעגן וועגן אַלץ שרייבן אָפן, אָן אינערלעכע העמונגען און אויסערלעכע באַגרענעצונגען. נאָר שוין איצט צייכנט זיך אַ טרויעריק בילד פון קנוניהס און אינטריגעס, כאַראַקטעריסטישע פאַר קאַבינעט־פאַרשווערונגען אין געוויסע לענדער.

### א ביסל געשיכטע

אין 1954, נאָך זעקס יאָר פאַרנעמען דעם פּרעמיערן־אַמט, האָט דוד בן־גוריון זיך געזעגנט אויף אַ געוויסער צייט מיטן פּאָליטישן לעבן און זיך אָפּגעזונדערט אין שדה־בוקר. זיין אָרט האָט פאַרנומען משה שרת. נאָר להיפוך צו זיין פאָרגייער, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען אויך זיכערהייט־מיניסטער, האָט דער נייער פּרעמיער אָנפאַרטרויט דעם דאָזיקן אַמט פּנחס לבון, איינעם פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין מפא״י.

ווי עס פירט זיך ביי לייטן, האָט יעדער מיניסטער אַ רעכט זיך צוצוקלויבן זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, אויף וועמען ער זאָל זיך קאָנען שטיצן. פּ. לבון האָט אָבער נישט אויסגענוצט די דאָזיקע רעכט און שמעון פרס (פּערעס), דער גענעראַל־דירעקטאָר פונעם זיכערהייט־מיניסטעריום פאַר דער צייט פון בן־גוריונס קאַדענץ – איז ווייטער פאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן.

אַ קאָמיסיע פון צוויי: ריכטער פון העכסטן געריכט י. אָלשאַן און געוו. שעף פון גענעראַל־שטאַב י. דורי, האָבן געפאָרשט די ״פּרשה״, אויסגעהערט עדות, צונויפגעשטעלט

פראָקאָלן, אַרויסגעצויגן מסקנות און — — — אין פעברואַר 1955 האָט מ. שרת געמאָלדן פון דער כנסת־טריבונע וועגן דער אייגנווילִיקער דעמיסיע פון מיניסטער לבון. דער ישראלדיקער פּאַרלאַמענט האָט די מעלדונג גענומען צו קענטעניש, קיין עפנטלעכע דיסקוסיע און ברייטערע באַהאַנדלונג האָט מען ניִשט געקאָנט אויפנעמען, ווייל עס איז באמת געווען אַ זיכערהייטלעכער ענין פון דער ערשטער מדרגה. אַ סברה, אַז דעם דאָזיקן אַרגומענט (אָדער תירוץ) האָבן גלענצנדיק אויסגענוצט די וואָס האָבן דערפירט צו לבונס דעמיסיע, הגם דער לעצטער האָט כסדר געטענהט, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק...

נאָך לבונס דעמיסיע האָט אויך מ. שרת פאַרלאָזט זיין פּרעמיערן־אַמט. ד. בן־גוריון, נאָך 14 חדשים "אָפּריכטן גלות" אין שדה־בוקר, האָט זיך צוריק געקערט קיין ירושלים און ווידער פאַרנומעןביידע מיניסטעריאַלע פּאָטעלן, וואָס זענען שוין געוואָרן זיינע אַ חזקה.

**וועגן "יינגע" וואָס קעמפן מיט אלטע מעטאָדן**

פּ. לבון איז, חלילה, נישט געבליבן אַרבעטלאָז. דער אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, וועלכן ער פאַרנעמט, איז לויט זיין חשיבות און וואָג אין די ישראלדיקע באַדינגונגען, אפשר נישט קלענער ווי אַ מיניסטעריאַלער פּאָרטפעל. אויך שמעון פרס איז עולה לגדולה געוואָרן: נאָכן אויסוויילן אים אין דער פערטער כנסת, האָט אים בן־גוריון באַשטימט אַלס זיין שני למלך — וויצע זיכערהייט־מיניסטער. די וועגן פון לבון און פרס זענען זיך צעגאַנגען לויט די אַמטן, נאָר אונטער איין פּאַרטייאישן דאַך האָט מען געוואוּנט און פון איין אידעאָלאָגיע זיך דערנערט. נישט מער, אינעם מפא"יישן "סופּערמאַרקעט", ווו עס הויזן צוזאַמען אַרבעט־געבער און אַרבעט־נעמער, קליינהענדלער און "דחק"־אַרבעטער, האַנטווערקער און קיבוץ־חברים, פרומע און וועלטלעכע, "כדאַי־ניקעס" און אויך אידעאַליסטן — האָט זיך אויסגעפאָרמירט אַ גרופּע "יינגע", וואָס יעדער פון זיי איז שוין פון לאַנג נאָך די פערציק... זייערע וואָרטזאָגערס און אידעאָלאָגן זענען: דער פריערדיקער שעף פון גענעראַל־שטאַב און איצטיקער לאַנדווירטשאַפט־מיניסטער מ. דיין און דער שוין דערמאָנטער ש. פרס (פּערעס).

ווי עס פּאַסט פאַר מענטשן, וואָס זענען נאָענט צו זיכערהייט־ענינים, האָבן זיי געשטרעבט און שטרעבן וייטער צו באַפרייען זייער פּאַרטיי פון יענע קאַרגע רעשטלעך אַרבעטער־ווערטן, אויסהוילן זי פון יענעם פיאָנערישן גייסט, אייגנטימלעך די מענטשן פון דער צווייטער און דריטער עליה. די "יונגע" האָבן געפּרעדיקט, אַז דער מלוכהשער אַפּאַראַט, די מיניסטעריאַלע פאַראָרדענונג, די אָנגענומענע געזעצן אין כנסת, וועלן באַוועגן צו חלוציזם און זיין מסוגל צו פאַרבייטן די הסתדרות אין אירע פונקציעס. אויפן אָרט פון די אַרבעטער קראַנקן־קאַסעס (קופּת־חולים), לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע, שולן מיט אַן אַרבעטער־שטרעמונג, פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג — קאָן און דאַרף קומען דער רעגירונג־באַאַמטער, דער צירקולאַר אָדער באַפעל. טריי דער דאָזיקער איינשטעלונג, האָט מען זיך נישט באַגנוגנט דערמיט וואָס איינער פון די "יינגע" — ש. פרס — האָט גורם געווען צו לבונס אַוועקגיין, נאָר מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט אַ צווייטער "יינגער" — מ. דיין — מיט גרויס טומל "געוואָרפן שטיינער" אויפן פינפטן שטאָק פון דער הסתדרות־געביידע אין תל־אביב, ווו עס אַמטירט דער געוו. זיכערהייט־מיניסטער... דאָס אינטערעסאַנטסטע, אַז קרעדיט, דערמוטיקונג, מאָראַלישע הילף, האָבן די דאָזיקע "יינגע" באַקומען פונעם "אַלטן" בכבודו ובעצמו. אָבער אויך דאָס געווער און מיטלען וואָס זיי האָבן אָנגעווענדעט כלפּי קעגנער אין דער אייגענער פּאַרטיי, זענען גענומען געוואָרן פון אַלטע, פאַרזשאַווערטע אַרסענאַלן...

**דער ליגן האט קורצע פיס**

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אין ירושלים פּאָרגעקומען אַ געוויינלעכער קרימינעלער פּראָצעס קעגן איינעם פון די דריי, וואָס זענען בשעתו אַרויסגעטרעטן אַלס די הויפּט־עדות קעגן פּנחס לבון פאַר דער קאָמיסיע אָלשאַן־דורי. דער אָנגעקלאָגטער האָט אויסגעזאָגט, אַז אַ טייל

עדות־דערקלערונגען פאַר יענער קאָמיסיע זענען געווען ליגנערישע און די צוגעשטעלטע דאָקומענטן – פאַלשע, כדי קאָמפּראָמיטירן פּ. לבון און דערפירן צו זיין דעמיסיע. אַזוי ווי אַזאַ פילבאַרן און ערשטראַנגיקן אַמט פון זיכערהייט־מיניסטער טאָר מען נישט לאָזן ליידיק, איז ער גלייך באַזעצט געוואָרן דורך דעם וואָס האָט שוין יאָרן־לאַנג אים געהאַט פאַרנומען. מען קאָן דערין יאָ אָדער נישט זען אַ סמיכת־הפרשה – אָבער אויף לבונס אָרט איז צוריק געקומען בן־גוריון...

דער דעמיסיאָנירטער מיניסטער האָט אָבער די גאַנצע צייט געפאָדערט אַ באַהאַנדלונג פון דעם גאַנצן ענין, אַ רעהאַביליטאַציע, וואָס זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטשטעלן אויף אַן אויטאָריטעטן אופן, אַז צו יענער "שענדלעכער פרשה" האָט ער נישט געהאַט קיין שיכות. צי די מאָסגעבנדיקע פאַקטאָרן (אָדער פאַקטאָר!) האָבן יאָ געוווּסט וועגן דער אומרעכט און עוולה כלפּי לבונען אָדער נישט, בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז פינף און אַ האַלב יאָר צייט האָט זיך אַרומגעדרייט אין ישראל אַ הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייט מיט אַ געפיל פון זיין אַ קרבן פון אַן עלילה, אַ פאַרשווערונג לשם טונקעלע צילן. ערשט אַ צופאַל אין אַ פּראָצעס האָבן אויפגעדעקט דעם גאַנצן אומריינעם שפּיל אַרום לבונס דעמיסיע. איידער ער איז מיט עטלעכע חדשים צוריק אַרויסגעפאָרן קיין שווייץ צוליב קוראַציע־צוועקן, האָט ער איבערגעגעבן בן־גוריונען דעם מאַטעריאַל פון דעם אַנטדעקטן ליגן, וואָס איז ווייט נישט דערגאַנגען – און געפאָדערט אַ ריינוואַשונג.

## דער הארבער אויסוואל

האַרט פאַר לבונס צוריק קומען פון דער שווייץ, נאָר אָן אַ פריערדיקער פאַרשטענדיקונג מיט אים, האָט דער איצטיקער זיכערהייט־מיניסטער באַאויפטראַגט דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב צו באַשטימען אַ... פרישע קאָמיסיע, וואָס זאָל פאָרשן יענע צוויי הויכע אָפיצירן (איינער אין אַקטיוון דינסט און דער צווייטער – אין רעזערוו) וועגן זייערע פאַלשע עדות־דערקלערונגען און דאָקומענטן. דער ריכטער פון העכסטן געריכט, ח. כהן און צוויי מיליטער־לייט, פאַרנעמען זיך מיט דעם גאַנצן ענין. אָבער דאָסמאָל האָט דער מעטאָד פון "באַגראָבן אין א קאָמיסיע" נישט שטאַרק מצליח געווען. לויט דער טענה פון פּ. לבון, זענען די "פאַראַנענע דאָקומענטן פולשטענדיק גענוג אויף צו דערווייזן זיין אומשולד און די שולד פון יענע צוויי אָפיצירן, וואָס האָבן אויף וועמענס באַפעל גערעדט און געשריבן פאַלש".

און אַז דער ענין איז באמת אַרויס פון קאָמיסיע־ראַמען, באַווייזט דער פאַקט, וואָס סיי בן־גוריון, סיי לבון, האָבן זיך באַנוצט מיט דער פּרעסע אויף אָפּצוגעבן דערקלערונגען, ריכטיקשטעלונגען, דערמאָנונגען וועגן פאַרגעסענע זאַכן... אויך שמעון פּרס שווייגט נישט און גלייך נאָך זיין אומקערן זיך פון אויסלאַנד, האָט ער אָנגעהויבן אַ פּרעסע־אָפענסיווע... קעגן פנחס לבון. דער לעצטער בלייבט נישט שולדיק קיין ענטפער. אין דעם עפנטלעכן וויכוח פילט זיך אָבער, אַז לבונס פּאָזיציע איז אַ פיל בעסערע. ער האָט גענאָסן פון צוטרוי מצד דער עפנטלעכער מיינונג, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף זיין זייט. נאָכמער – די גאַנצע פרשה געפינט זיך איצט אין באַהאַנדלונג פון דער כנסת־קאָמיסיע פאַר אויסערן און זיכערהייט־ענינים. דאָרט איז לבון אַרויס מיט לשון: מיט פינף יאָר צוריק האָט ער געפאָדערט די דעמיסיע פון שמעון פּרס – און מן־הסתמא האַלט ער אויך איצט אונטער די דאָזיקע מיינונג.

בן־גוריון געפינט זיך איצט פאַר אַ האַרבן אויסוואַל. איז דאָך שמעון פּרס זיין געצערטלט קינד, זיין ליבלינג, דער טרעגער פון זיינע אנשויאונגען. געבן אים דעם וועג, אָדער צווינגען אים צו דעמיסיאָנירן, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט לבונען – הייסט מודה זיין זיך אינעם דורכפאַל פון אַ פסולער שיטה צו ליקווידירן פּאָליטישע קעגנערס.

פאַר דער דעמאָקראַטישער עפנטלעכקייט אין ישראל איז אָבער דער אויסוואַל אַ קלאָרער: די וואָס וועבן פּאָליטישע אינטריגע און ווילן מיט אומערלעכע מיטלען זיך דערשלאָגן צו מאַכט – דאַרפן נישט האָבן קיין אָרט אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט.

**ווער וועמען נאָמינירט?**

די וואָס מיינען אויפריכטיק מיט אַ דעמאָקראַטישן רעזשים אין ישראל, קאָנען נישט די פרשה לבון זען ווי עפּעס אַ פּאַראיינצלטן פאַל, אַן אָפּגעריסענעם פאַקט. פאַראַן אַזעלכע וואָס זוכן אַן אַנאַלאָגיע צו געוויסע געשעענישן אין פוילן מיט 34 יאָר צוריק. אויך דאַן האָבן אַ גרופּע פּולקאָווניקעס (קאָלאָנעלן) געזאָרגט דערפאַר, אַז דער "דזשאַדעק" ("זיידע", "אַלטיטשקער") זאָל פון זיין אָפּגעזונדערטער סולעיווועק זיך אומקערן קיין וואַרשע הערשן. די פּוילישע קאָלאָנעלן בשעתו האָבן אויך גערעדט קעגן פּאַרטייען און פאַר דער מדינה, קעגן פּאַרלאַמענט און פאַר אויטאָריטעטער מאַכט, קעגן דער פּראָפּעסיאָנעלער באַוועגונג און פאַר צוואַנג־אַרביטראַזשן...

בן־גוריון האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ביי אונדזערע שכנים פּאַסירט אָפט, אַז דער שעף פון גענעראַל־שטאַב נאָמינירט דעם פּרעמיער, בעת אין ישראל באַשטימט דער פּרעמיער־מיניסטער, ווער ס׳זאָל זיין שעף פון גענעראַל־שטאַב... דער פאַל לבון האָט אָבער באַוויזן, אַז אויך ביי אונדז האָט מען פּרובירט – און פּאָרלויפיק מצליח געווען – באַשטימען וועגן דער דעמיסיע פון אַ זיכערהייט־מיניסטער און אויף זיין אָרט ברענגען אַן אַנדערן. דערפאַר די אויפרודערונג וואָס די "מיסטעריע לבון" האָט ארויסגערופן אין לאַנד.

מעג אַלמוגי, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון מפא״י, פּייערלעך אויסרופן, אַז דער ענין האָט נישט קיין שיכות צו דער פּאַרטיי. קיינער וועט נישט נעמען ערנסט די דאָזיקע דערקלערונג. דאָס איז אַן אויסשליסלעכע משפּחה־מחלוקת צווישן לויטערע מפא״י־מענטשן. דער ענין לבון האָט שוין יאָ אַ צוזאַמענהאַנג מיט מפא״י און אַוודאי און אוודאי – מיט דעם וואָס איז עלול פּאָרצוקומען אין דער מדינה...

(י״ש ת״א, 12.10.60)

## דער באַליידיקטער פּרעמיער

פּאָריקע וואָך איז אין "היכל התרבות", דעם גרעסטן און רעפּרעזענטאַטיווסטן זאַל אין תל־אביב, פּאָרגעקומען אַן אַקאַדעמיע לכבוד די איינוווינערס פון די קוואַרטאַלן, אין שייכות מיט די פייערונגען 40 יאָר הסתדרות. אַזוי ווי דאָס פּובליקום האָט באַדאַרפט באַשטיין דער עיקר פון די מזרח־עדה׳ס, האָט מען צו דער פייערונג אַראָפּגעבראַכט דעם פּרעמיער דוד בן־גוריון. און ער, ווי דער שטייגער, האָט אויך ביי דער געלעגנהייט נישט פאַרגעסן אַרויסצוטרעטן מיט אַ רוף וועגן אָפּהיטן די אַרבעטער־איינהייט...

כאַראַקטעריסטיש, אַז דער דאָזיקער רוף איז געוואָרפן אויף אַן אונטערנעמונג, ווו ס׳איז אויפן סאַמע מיאוסטן אופן געבראָכן געוואָרן דער פּרינציפּ פון אַרבעטער־איינהייט – אַ פּרינציפּ, וואָס איז פיל־וויניק אָפּגעהיטן געוואָרן אין די אומצאָליקע הסתדרות־פייערונגען איבערן לאַנד, ווו מ׳האָט אויך די אַנדערע פּאַרטייען געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קומען צום אויסדרוק. בלויז אין תל־אביב, אינעם באַרימטן "היכל התרבות", האָט די אַקאַדעמיע באַדאַרפט פּאָרקומען על טהרת זעקס מפא״י־רעדנער, מיטן פּרעמיער בראש. דאַקעגן האָט מען ביי די פאָרשטייער פון די מינדערהייט־פּאַרטייען צוגענומען די דאָזיקע מעגלעכקייט, אויף א ווילקירלעכן אופן. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט דעם הויפּט־רעפערענט אַרויסצורוקן דעם געדאַנק וועגן אָפּהיטן די אַרבעטער־איינהייט.

נאָר ווער ווייסט – אפשר האָט בן־גוריון אין דעם מאָמענט גאָר געטראַכט וועגן אַן אַנדערער איינהייט, דער אין מפא״י גופא, וואָס ליגט איצט, נעבעך, אַ צעקריגטע און צעריסענע. ווייל קיינמאָל נאָך אין איר לאַנגער געשיכטע, האָט מפא״י נישט אַדורכגעמאַכט אַזאַ טיפן קריזיס פון אינערלעכע קעגנזאַצן, פּערזענלעכע ווידעראַנאַנדן און אָפענעם ריס, ווי אין די איצטיקע טעג. איז דעריבער צו באַוואונדערן דעם מוט (אָדער – מאַנעווורירונג־פעיקייט) פון דוד בן־גוריון, וואָס טראָגט דער צערודערונג אין זיינע אייגענע פּאַרטיי־רייען און טראָגט דעם באַיקאָט פון דער מערהייט כלפי

די מינדערהייט־פּאַרטייען אויף דער תל־אביבער הסתדרות־אַקאַדעמיע, האָט ער ווידער גערעדט וועגן אחדות. געווען אין דעם אפשר אַ פּאַרלאַנג צו באַרויקן דאָס אייגענע געוויסן, סיי צוליבן צעשטערטן שלום־בית ביי זיך און סיי צוליבן דעמאָנסטראַטיוון באַזייטיקן הסתדרות־שותפים פון אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט באַדאַרפט טראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. ווייל קיינער אין ישראל גייט נישט לעצטנס אַרום אַזוי אומרואיק און אַפילו באַליידיקט, ווי דער פּרעמיער־מיניסטער פון דער ישראל־רעגירונג. און ער האָט דערצו אַן ערנסטע סיבה.

*

אויסער דעם פּערזענלעכן הינטערגרונט פון דער ״פּרשה״, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַלע אויסערונגען פון קאַמף פאַר מאַכט, פּאָזיציע, השפעה — האָט זיך גלייכצייטיק פונאַנדערגעוויקלט אַ ליידנשאַפטלעכער געראַנגל פאַר דעמאָקראַטיע אין אונדזער מדינה; צווישן אַ ליניע פון עטאַטיזם, ווי זי איז רעפּרעזענטירט אין מפא״י דורך די ״יונגע״ (מיטן ״אַלטן״ בראש), אָדער פון אָפּהיטן די לעצטע רעשטלעך פון אַרבעטער־ווערטן און חלוצישן גייסט, ווי זיי זוערן געבראַכט צום אויסדרוק — הגם אין אַ בלאַסער פאָרם — דורך דער הסתדרות און איר גענעראַל־סעקרעטאַר פּנחס לבון. און ווייל דאָס איז נישט געווען קיין ענין בלויז פון פּערזענלעכע קאַמפן, נאָר האָט אויך אָנגערירט גורלדיקע פראַגן פון אונדזער מלוכהשן לעבנס־שטייגער, פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, איז די ״פּרשה״ געוואָרן אַ קנין פון אַלע פּאַרטייען, וואָס זענען נישט ווייניקער פון מפא״י באַזאָרגט וועגן דער צנקונפט און כאַראַקטער פון מדינת ישראל.

מיט אַ פאַרלייכטערונג איז דעריבער אויפגענומען געוואָרן דאָס באַשטימען דורך דער רעגירונג אַ קאָמיסיע פון 7 מיניסטאָרן (נאָר צוויי פון מפא״י און די אַנדערע פינף — פון מפ״ם, אחדות־העבודה, פּראָגרעסיווע, רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פּאַרטיי און פועלי אגודת ישראל), וועלכע האָט באקומען אַ צוטריט צו אַלע דאָקומענטן פון יענער תקופה, אַלזייטיק און אָביעקטיוו געפאַרשט די גאַנצע פרשה און געפסקנט אַנטשלאָסן און איינשטימיק, אַז פּנחס לבון האָט ״יענע״ אָנווייזונג נישט געגעבן. קיינער אין לאַנד האָט נישט געצווייפלט אין די ריינע כוונות און ערלעכער באַשטימונג פון דער זיבן־פּערזאָניקער קאָמיסיע. ס׳איז אויך לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ, וואָס אַ נישט סימפּאַטישער ענין וועלכער רירט אָן איינעם פון די פּילבאַרסטע געוועבן אין דער מדינה — זיכערקייט — פאַרענדיקט זיך מיט אַזאַ אויטאָריטעטן און קאַטעגאָרישן פּסק־דין.

בלויז דוד בן־גוריון איז נישט גרייט געווען אָנצונעמען די מסקנות פון דער מיניסטעריאַלער קאָמיסיע. בלויז ער, דער איינציקער קאַבינעט־מיטגליד — האָט אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן זיך נישט באַטייליקט אין דער אָפּשטימונג. בלויז ער, שוין נאָכן אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין, האָט זיך דערלויבט אויף אַן אומגעצוימטן אָנפאַל אויפן אַדרעס פון זיין פּאַרטיי־חבר פּנחס לבון. בלויז ער האָט נאָך אויף יענער זיצונג געבעטן אַ לענגערן אורלויב, וואָס אַלע, אַריינגערעכנט זיינע פּאַרטיי־חברים, האָבן דערין געזען אַ דעמאָנסטראַציע און אַן אָנצוגעהערעניש וועגן אינגאַנצן פאַרלאָזן דעם פּרעמיערן־אַמט, אויב מען וועט נישט אָנעמען זיין פאָרשלאַג.

וואָס וויל בן־גוריון?

פון דער ערשטער מינוט האָט ער געפאָדערט ״אַ באַפולמעכטיקטע פאָרשקאָמיסיע״ וואָס זאָל לויט אַלע כללים פון דער געריכטלעכער פּראָצעדור אויספאָרשן די גאַנצע פרשה, אויסהערן עדות און אַרויסטראָגן אַ גזר־דין. נאָר אַזאַ אינסטאַנץ, ווי בן־גוריון שטעלט זיך פאָר, איז מסוגל׳ צו זיין ערלעך, אָביעקטיוו, אַלזייטיק, יושרדיק. אַלעס איבעריקע — איז גאָרנישט שבגאָרנישט. און ווי איז די וואָס נעמען נישט אָן זיין שטאַנדפּונקט. דער איצטיקער ברוגז פון בן־גוריונען איז מיט דער גאַנצער שאַרפקייט געווענדעט קעגן די מיניסטאָרן לוי אשכול און בכור שיטרית פון מפא״י, די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָבן געשטימט צוזאַמען — סיי אין דער קאָמיסיע און סיי אויף דער רעגירונג־זיצונג — מיט די אנדערע מיניסטאָרן און קעגן אים. בלייבן אינגאַנצן איזאָלירט ביי אַן אָפּשטימונג פון דער רעגירונג, ווו אויסער אים זיצן נאָך 8 (אַכט!) מיניסטאָרן פון

מפא״י – דאָס איז אַ צו ביטערע פּיל אַראָפּצושלינגען פאַרן פּרעמיער און מנהיג פון מפא״י. דעריבער זיין ברוגז און כעס, דעריבער זיין דראָונג און אולטימאַטום, דעריבער זיינע האַרבע באַדינגונגען דער פּאַרטיי און דער גאַנצער ישראלדיקער עפנטלעכקייט...

איצט האָט ער אוודאי אַ גרונט צו זיין אין כעס. דער בעל־דבר אַליין, דער הויכער אָפּיציר, אויף וועמען די מיניסטאָרן־קאָמיסיע האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ס׳זענען פאַראַן ערנסטע באַוויזן, אַז ער האָט עס געפעלשט דעם בריוו כדי צו פאַבריצירן די באַרימטע אָנווייזונג פון פּ. לבון, האָט נאָכן באַראַטן זיך מיט זיין אַדוואָקאַט, באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון דערלאַנגען אַ געריכטלעכע אָנקלאַגע אָדער פאָדערן אַ געריכטלעכע אויספאָרשונג (וואָס האָט זיך געדעקט מיט בן־גוריונס פאַרלאַנג אויפצושטעלן אַ ״באַפולמעכטיקטע יורידישע קאָמיסיע״). הייסט עס, אַז דער הויכער אָפּיציר האָט איינגעזען, אַז בעסער און געזונטער וועט זיין צו לאָזן פאַרגעסן דעם ענין, איידער אים צוריק אַרויסהייבן. אַזוי אַרום איז בן־גוריון געבליבן אַ פולשטענדיק איזאָלירטער און פאַרשפּילטער אין דער פּרשה.

*

אין מפא״י טוט זיך ״אויף טיש און אויף בענק״. אַן אמתער חד־גדיא! בן־גוריון האָט דערקלערט אָפן און אומצווײדײטיק: מיט אים (פּ. לבון) וועט ער נישט זיצן צוזאַמען; ער וועט נישט משלים זיין, אַז זיינע פּאַרטיי־קאָלעגן אין דער רעגירונג זאָלן נישט שטימען מיט אים; אויב די פּאַרטיי וועט נישט אָנעמען זיינע באַדינגונגען, וועט ער אַוועקגיין – אַ מין ״צווייטע רונדע״ פון אַ שדה־בוקר.

און דער געטראָפענער אשכול, דער פּשרה־מאַכער אין דער פּאַרטיי (וואָס איז טאַקע געפאַלן אַ קרבן אין זיין לעצטן פּרווו צו דערפירן צו אַ פּשרה צווישן הסתדרות־סעקרעטאַר און דעם ישראל־פּרעמיער) – איז נישט גרייט צו זיין דער פליכטן־אויספּילער פון בן־גוריונען אין דער צייט פון זיין ברוגז־אורלויב, אויב די דראָונג פון דעמיסיע וועט נישט ווערן צוריקגעצויגן. און די אויסערן־מיניסטאָרין גאָלדע מאיר דראָט מיט אַוועקגיין, אויב בן־גוריון פאַרלאָזט. און דער האַנדלס־מיניסטער פּ. ספּיר, אַן אָנהענגער פון פּ. לבון, גיט בולטע אָנדייטונגען וועגן נישט בלייבן אין דער רעגירונג, און דער סעקרעטאַריאַט פון מפא״י, באַזאַמען מיט איר כנסת־פראַקציע, האָרעווען אָפּ אין שבת אַן אַכטשעהדיקן אַרבעטס־טאָג, כדי עטוואָס לעשן די שריפה – נאָר אָן דערפאָלג. ממש לויטן כעלעמער שטייגער: יענע אסיפה האָט באַשטימט נאָך אַן אסיפה... אויף מאָנטיק.

נאָר אַנשטאָט מאָנטיק אַ זיצונג – איז יענעם טאָג דער קריזיס אויסגעבראָכן מיט נאָך מער שאַרפקייט. פּנחס לבון, וואָס האָט בדרך־כלל געשוויגן, האָט מיט דריי טעג צוריק פאַרעפנטלעכט אין ״דבר״ זיינע ענטפערס אויף פראַגן פונעם קאָרעספּאָנדענט. ער דערקלערט, אַז ״די אַנטשיידונג פון מפא״י וועט פעסטשטעלן אין אַ וואָסער מאָס מען קאָן אין איר זען אַ היים גלייך פאַר אַלע חברים״. ער האַלט, אַז די זיצונגען פון סעקרעטאַריאַט ווערן געפירט אונטער אַ שווערן און אומאַנשטענדיקן דרוק און מען באַהאַנדלט נאָר זיינע אַרויסטריטן, פאַרזעענדיק אינגאַנצן די רעאַגירונגען פון בן־גוריונען און פון אַ טייל זיינע געהילפן. נאָכמער, לבון גיט אָנצוגעהערן ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, אַז ער וועט אפילו לייגן זיין אַמט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, כדי זיין פריי אין פאַרטיידיקן זיך קעגן דעם פּרעמיערס אַטאַקעס.

און מיט אַ טאָג פריער האָט מ. דיין, שעף פון גענעראַל־שטאַב בעת לבונס קאַדענץ אַלס זיכערהייט־מיניסטער, אוועקגעלייגט אויף דער רעגירונג־זיצונג אַזש 27 דאָקומענטן פון יענער תקופה, כדי באַווייזן די אומרעכט פון לבונען... און ״קול ישראל״ האָט דעם דאָזיקן פאַקט צעבלאָזן מיט אַזאַ איבערטריבענעם און טענדענציעזן נוסח, אַז מ׳האָט געקאָנט מיינען, דאָס דער רעהאַביליטירטער געוו. זיכערהייט־מיניסטער, וועט דאַרפן בעטן מחילה ביים הויכן אָפּיציר און ביי יענע מענטשן פון זיכערהייט־מיניסטעריום, מיט וועמען ער האָט געשטרייט מיט פינף יאָר צוריק.

דעם לעצטן מאָנטיק איז באַוווסט געוואָרן, אַז אין שיפּלאָד פון פּרעמיערס טיש ליגט גרייט אַ דעמיסיע־בריוו צום מדינה־פּרעזידענט. אויך די מיניסטאָרן גאָלדע מאיר, פּ. ספּיר (און יש אומרים – לוי אשכול), טראָגן זיך אַרום מיט רעזיגנאַציע־בריוו אין די טאַשן. דער קריזיס איז אַ פיל טיפערער, ערנסטער און קאָמפּליצירטער, ווי מ'האָט זיך פאָרגעשטעלט. בפרט נאָך, אַז לויט אונדזער געזעצגעבונג, באַדייט די דעמיסיע פון פּרעמיער – אויך די דעמיסיע פון דער גאַנצער רעגירונג.

אַזוי אַרום איז די האַנדלונג פון באַליידיקטן פּרעמיער־מיניסטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ערשטראַנגיקער מלוכהשער פראַגע, וואָס האָט אַ ברירה מיט גרעסערן אייפער און שטורעם אויפצוטרייסלען די מדינה, די הסתדרות, די הערשנדיקע פּאַרטיי.

*

דעם באַליידיקטן פּרעמיער פון דער ישראל־רעגירונג, וועלכער איז באַקאַנט מיט זיין שטודירן די גריכישע פילאָזאָפן און רוימישע געלערנטע, דאַרף מען דערמאָנען דאָס ווערטל וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין אַלטן רוים: "יופּיטער דו בייזערסט זיך – אַ סימן ביסט נישט גערעכט!" אין אַ געאָרדנעטער דעמאָקראַטישער מדינה, בפרט נאָך אין אַזעלכער וואָס איז נאָך נישט קיין דרייצן יאָר אַלט און איז אַלץ אויסגעשטעלט אויף דרויסנדיקע און אינערלעכע געפאַרן, טאָר נישט אַ ראש־הממשלה אַזויפיל שטעלן אויף זיין אייגענעם איך, אויף זיין פּרעסטיזש און אַמביציעס. אין פּאָליטיק דאַרף מען אַמאָל זיין אויסגעשטעלט אויך צו פאַרשפּילן – און צו דעם האָט מען בן־גוריונען נישט צוגעוווּנט, קודם־כל – אין דער אייגענער פּאַרטיי, ווו אַלע זיינע פּאַרלאַנגען (און צווישן אונדז זאָל עס בלייבן – אויך קאַפּריזן) זענען געוואָרן אָנגענומען. דעם אַמט פון פּרעמיער פאַרנעמט ער די גאַנצע צייט (אויסער דעם קליינטשיקן שדה־בוקר איבערייס), זינט די מדינה עקזיסטירט. דער איצטיקער קריזיס אין מפּא"י האָט אין זיך דאָס פּאָזיטיווע, וואָס ער האָט דעם אַנערקענטן און באַליבטן פירער באַוויזן, אַז מען קאָן אויך אַמאָל קעגן אים ווידערשפּעניקן.

מיר זעען אָבער אין דאָזיקן פאַרמעסט נישט דווקא א פּערזענלעכן קאַמף. ווייל אויב בן־גוריון וועט איצט ארויס ווי א זיגער – וועט די ישראלדיקע דעמאָקראַטיע געשטעלט ווערן פאר האַרבע געפאַרן.

(י"ש ת"א, 5.1.61)

## נייע וואַלן — אָדער צוריק צום אַלטן?

דער רעגירונגס־קריזיס דויערט. עס זעט זיך נישט זיין נאָענטער סוף, ווייל אייגנטלעך איז דאָס דער קריזיס פון דעמיסיאָנירטן פּרעמיער – און נישט פון גאנצן קאַבינעט. נאָר צוליב א קאַפּריז און דיקטאַט פון ד. בן־גוריון, האָט די ישראל־רעגירונג פאַרענדיקט איר קאַדענץ מיט צוויי און א האלב יאָר פריער. כמעט אלע קאָאַליציע־פּאַרטייען האָבן באשלאָסן נישט צוריקקערן זיך צום פריערדיקן מצב און פון די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונגען – איז דאָך אָפּגערעדט. בלויז דער "אַלטער" גופא וויל בלייבן ביים אלטן און ווידער זיך שטעלן בראש פון א נייער רעגירונג, נאָר דאָסמאָל, ווי א סך מאָל פריער, אָן די צוויי חלוצישע ארבעטער־פּאַרטייען – מפ"ם און אחדות־העבודה. און אויב מ'וועט אים נישט נאָכגעבן, איז ער אפילו איינגעשטעלט אריינצוּוואַרפן דאָס לאנד אינעם געווירבל פון א וואַל־קאַמפּאַניע, וואָס האָט נישט געהאַט אירס גלייכן ביז איצט, אבי ווידער זיין פּרעמיער. בן־גוריון, ווי זיינע חברים אין צענטראַלן פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, זענען ווי בלינד און טויב צו דעם וואָס קומט פאָר אין דער מדינה, ווו פון יעדער ווינקעלע, מצד אלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, פון די באַשלוסן פון כמעט אלע פּאַרטייען, הערט זיך איין רוף: א נייע רעגירונג, צי די איצטיקע – נאָר אָן בן־גוריונען!

קלאָר, אַז די דאָזיקע אַנטי־בן־גוריון שטימונג איז נישט קיין קינסטלעך־קאָניונקטורעלע דערשיינונג, נאָך אַ רעזולטאַט פון די אַנטי־דעמאָקראַטישע, אַנטי־לאָגישע און אומאַנשטענדיקע

האַנדלונגען זיינע כלפּי אַ לאַנגיאָריקן פּאַרטיי־חבר, פּנחס לבון, טראָץ דעם וואָס ער איז דורך אַלע אינסטאַנצן און דורך דער עפנטלעכער מיינונג אין לאַנד רעהאַבּיליטירט און ריינגעוואַשן געוואָרן פון שווערע באַשולדיקונגען וואָס האָבן אויף אים געלאַסטעט גאַנצע זעקס יאָר. בן־גוריונס אולטימאַטיווע פאָדערונג, דראַמאַטיזירט און באַפּוצט מיט זיין דעמיסיע, האָט באַדאַרפט אויספרעסן ביים צ. ק. מפּא״י דעם פּאַטאַלן באַשלוס אראָפּצוזעצן לבונען. דער דאָזיקער קרבן איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אויפן מזבח פון פּרעמיערס פאַרלאַנגען. דערמיט איז אפשר געסילוקט געוואָרן איין חשבון, וועלכן בן־גוריון האָט פאַרלאַנגט פון זיין פּאַרטיי. איז דאָס אָבער דער סוף? האָט דען דאָס לאַנד זיך באַרויִקט און הערשט איצט אין מפּא״י שלום־בית?

פּונקט ווי אינערהאַלב מפּא״י קאָכט און זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, אַזוי אויך אין דער מדינה טוט זיך ״אויף טיש און אויף בענק״. לבונס פאַרלאָזן דאָס הויז פון דער הסתדרות, האָט נישט אויטאָמאַטיש צוריק געברענגט בן־גוריונען אויפן פּרעמיערן־פּאָטעל. אמת, ער איז נאָך אַלץ ראש־הממשלה — אָבער פּאָרט פון אַן איבערגאַנג־רעגירונג. און די כוונה פון אַלע פּאַרטייען איז איצט, אַז דער דאָזיקער מעמד זאָל אים טאַקע דינען אַלס איבערגאַנג... אין ציווילן לעבן.

און וואָס פריער דאָס וועט געשען, אַלץ מערער וועט אים געלונגען אָפּצוראַטעווען פון זיין לעצטנס געטראָפענעם און אַרונטערגעריסענעם פּרעסטיזש, וועלכן ער האָט זיך דעראָבערט נאָך לאַנגע יאָרן טעטיקייט פאַר דער יידישער מדינה. די ענגע און העכסטע מפּא״י־אינסטאַנצן, ווי דער סעקרעטאַריאַט, ״שרינו״ (מיניסטאָרן) און אַנדערע, טוען א בערישע טובה דער באַוועגונג און דעם פּרעמיער גופא, אויב זיי עקשנען זיך, אַז בן־גוריון זאָל ווייטער שטיין בראש פון דער נייער רעגירונג. זיי קלאַמערן זיך ביים ״אַלטן״, הגם די אַלגעמיינע פּאָליטישע אַטמאָספער און די אויפגעברויזטע עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד איז דאָסמאָל ווייט נישט איינשטימיק מיט אַזאַ צוגאַנג.

*

פונדעסטוועגן גייט זיך מפּא״י און בן־גוריון זייער אויסגעטראָטענעם וועג, גענוי ווי נאָך די לעצטע כנסת־וואַלן, ווען ער האָט זיך צומערשט געווענדעט צו די אַלגעמיינע ציוניסטן און אגודת ישראל וועגן אויפשטעלן די נייע רעגירונג, אַזוי האָט ער אויך איצט אָפּגעזוכט די ערשטע צוויי אַדרעסן פאַר באַנייטע קאָאַליציע־שותּפים: די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי און די פּראָגרעסיווע. ״אַלטע ליבע ראָסטעט נישט״ — זאָגט אַ פאָלקסווערטל. און בן־גוריונס סימפּאַטיע צו בירגערלעכע און קלעריקאַלע שותּפים, האָט אים אויך דאָסמאָל נישט פאַרלאָזט. איידער די אַנדערע פּאַרטייען האָבן גענומען שטעלונג בנוגע אַ נייעם קאַבינעט, האָט דער ״פּרעמיער אין אורלויב״ געפירט די טראַדיציאָנעלע פאַרהאַנדלונגען מיט יענע כוחות, וואָס קעמפן נישט פאַר ווערטן און פּרינציפּן, נאָר — פאַר בענקלעך, פּאָזיציעס און קאָנצעסיעס, הגם, ווי דער שטייגער, צוגעפּוצט מיט אַביסל ״ציוניזם״ און פּאָליטיק, ווי: די זיכערהייט־לאַגע פון מדינת ישראל, איר אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע, די פּרעזידענטן־ענדערונג אין די פאַר־שטאַטן, אויפלעבן דעם נגב (גלייך די אַלע ערשטראַנגיקע און גורלדיקע פראַגן וואָלטן נישט עקזיסטירט מיט צוויי וואָכן פריער, איידער ער האָט באַשלאָסן אַוועקצוגיין).

וואָס שייך די פּראָגרעסיווע, זענען זיי נישט נתפעל געוואָרן פון פּרעמיערס לאָקנדיקע רייד און אים געענטפערט מיט אַ קאטעגאָרישן ניין. זיי גייען נישט אין דער נייער רעגירונג. אויס קורטואַזיע, האָבן זיי נאָר נישט צוגעגעבן, אַז... דאָרט ווו בן־גוריון וועט שטיין בראש. אפילו די דאָזיקע פּאַרטיי האָט דערווייל אַרויסגעוויזן איר קעגנערשאַפט צו זיין אַ שותּף צו אַ נייעם קאַבינעט, הגם ס׳איז באַוווּסט, אַז זי איז די טרייעסטע, לאָיאַלסטע און אַמווינציקסטן פּרעטענסיאָנעלע פּאַרטיי לגבי מפּא״י אין משך פון אַלע יאָרן. נאָר דער באַליידיקנדיקער און אָנגרייפערישער טאָן פון בן־גוריונס דעמיסיע־בריוו, האָט אויך פערזענלעך געטראָפן דעם יוסטיץ־מיניסטער פּנחס ראָזען וואָס איז געווען פאָרזיצער פון דער ״קאָמיסיע פון זיבן״. ער, פונקט ווי זיין פּאַרטיי, האַלטן פאַר אוממעגלעך צוריקצוקערן זיך צום פריערדיקן מצב.

אויפן שאַך־ברעט פון בן־גוריונס מאַנעווערן און האַנדל זענען געבליבן בלויז צוויי פיגורן — און אויך נישט פון די שווער־קאַליבערדיקע: די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי (מזרחי און הפועל המזרחי) און די אַרבעטער־פיליע פון "אגודה". זיי אַלע צוזאַמען קאָנען געבן דעם פּרעמיער די נייטיקע צאָל שטימען אין כנסת אויף צו דערהאַלטן דעם קאַבינעט, נאָר אַ פּרייז וועלן זיי פאָדערן, וואָס אפילו מפא"י, מיט איר גאַנצער נאָכגיביקייט און קאַפּיטולאַנטישקייט כלפּי רעליגיעזן שאַנטאַזש און אויספּרעסונג, וועט אויך נישט זיין אימשטאַנד צו באַצאָלן. אויסער דעם ווייסן די דאָזיקע פּאַרטייען סיי די שטימונג אין גאַס, סיי די פאָדערונג פון גרויסע קרייזן און גרופּן ביי זיך, נישט צו אַנגאַזשירן זיך און אַ נייער רעגירונג מיטן "אייביקן פּרעמיער" בראש.

ליגט טאַקע דער שליסל צו אַ לייזונג איצט אין די הענט פון מזרחי — הפועל המזרחי. זייערע "אַקציעס" זענען אויף אַזוי ווייט געשטיגן, אַז מפא"י לייגט זיי פאָר אַזש דריי מיניסטעריאַלע טעקעס. און מנחם בעגין פון "חירות" וויל אויסנוצן אַ קאָניונקטור פאַר זיין פּאַרטיי און אויך ער לייגט פאָר מ. שאַפּיראָ אויפצושטעלן אַ בירגערלעכן בלאָק צו די נאָענטסטע וואַלן. נאָר אויב די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע קומען אַדורך מיט מפא"י וועגן געוויסע מיניסטעריומס, הויפּט־ראַבינאַט און אַנדערע גאָטספאָרכטיקע ענינים, וועט אַנטשטיין אַ משונהדיקע קאָאַליציע, מיט אַ גאָר שמאָלער געזעלשאַפטלעכער באַזע, אָן סטאַבילקייט און געהעריקער אויטאָריטעט, אויסגעשטעלט אויף געפאַרן פון פּערמאַנענטע רעליגיעזע פאָדערונגען מצד דעם פרומען שותף, לויטן באַוווּסטן כלל, אַז "מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט". און אויב די דאָזיקע אַלט־נייע שותפות (ווייל מיר האָבן שוין אַמאָל געהאַט אַזאַ קאָאַליציע) וועט נישט געבוירן ווערן, האָט אַ ברירה צו אַנטשטיין (פון אַ בלויזער מפא"ישער מינדערהייט) אַן איבערגאַנג־רעגירונג, בראש מיט לוי אשכול, ווייל בן־גוריונען וועט נישט פּאַסן אָנצופירן מיט אַ קאַבינעט נאָר פון אייגענע פּאַרטיי־חברים, פון וועלכע, אגב, ער האָט לעצטנס אויך נישט געהאַט קיין סך נחת. און דאָס, אייגנטלעך, האָט אַרויסגערופן זיין צאָרן און שאַרפע רעאַגירונגען בשיכות מיט דער "פרשה". ווי באַוווּסט, איז ער בעת דער אָפּשטימונג אין דער רעגירונג איבער די מסקנות פון די זיבן, געבליבן איזאָלירט. און נאָך די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען, האָבן גאָלדע מאיר און פּנחס ספּיר בפירוש דערקלערט זייער אומווילן צו זיצן ווייטער אין דער רעגירונג. ערשט די טעג איז געלונגען זיי איבערצוצייגן, מיטן שם־המפורש פון פּאַרטיי־דיסציפּלין, ווייטער צו בלייבן אויף די אַמטן.

*

אַלץ וועט געטאָן, כּדי זיך קעגנצושטעלן דעם ווילן פון אַלעמען און אַנטקעגנקומען דעם רצון פון איינעם. אָט אין דער טענדענץ שטעקט די אמתדיקע געפאַר פאַר אונדזער דעמאָקראַטיע. אַנשטאַט אויסקלויבן דעם פּשוטן און לאָגישן וועג — איינהאַלטן די איצטיקע רעגירונג, נאָר אָן דוד בן־גוריון, ווייל מפא"י אויפלייזן די איצטיקע רעגירונג, "אַנטלאַסטן זיך" פון ביידע אַרבעטער־שותפים און ווייטער רעגירן — אַליין, צי מיט די רעליגיעזע. פאַרן פּרייז פון איינהאַלטן דעם פּאַרטייאישן און פּערזענלעכן פּרעסטיזש, וואָס האָט אין זיך אַלע געפערלעכע סימנים פון פּערזאָנען־קולט, קרענקלעכע אַמביציעס און עקשנות — איז מען גרייט ווידער אַריינצוואַרפן דאָס לאַנד אין אַ וואַל־פיבער, צעשפּילן פּאָליטישעליידנשאַפטן און פאַרשווענדן צענדליקער מיליאָנען פונט אויף דער דאָזיקער קאַמפּאַניע.

פאַרשטייט זיך, אַז מפא"י וועט איצט, פּונקט ווי פריער, זיך אָנטאָן די טאָגע פון אמתדיקע פּאַטריאָטן, וואָס זענען באַזאָרגט מיטן גורל פון דער מדינה, מיט דער צוקונפט פון נגב, מיטן שטאַרקן די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע פון ישראל, פון זיכערן איר זיכערהייט, פון אויפנעמען עליה און אַנדערע געבאָטן פון אונדזער מלוכהשן שולחן־ערוך. בלויז די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע כוחות שפּילן זיך כלומרשט אין נאַרישע אַמביציעס און ווילן נישט פאַרלעצן זייער פּרעסטיזש... איצט איז אָבער אַ באַוווּסטע זאַך, אַז די האַנדלונג פון דער דאָזיקער פּאַרטיי ביים פּרוּוון לייזן דעם רעגירונג־קריזיס, האָט אין זיך אַלע צייכנס פון אַ המשך פון דער שענדלעכער פרשה, אַ מין צווייטע אויפלאַגע פון אַראָפּזעצן און ליקווידירן קעגנערס. דאָסמאָל — אויף דער מלוכהשער פלאַך.

מפא״י האָט אַ גרונט צו שטרעבן צו שלעפּן צוריק צום ״אלטן״, סיי צוליבן אויסגעוואָקסענעם ביי זיי ״פּירער־קולט״, סיי צוליבן פּחד פאַר נייע וואַלן. די אַנטשיידנדיקע מערהייט פּאַרטייען אין לאַנד, יעדער לויט איר נוסח און איינשטעלונג, איז אָבער ביי דער מיינונג, אַז אונטער דער פּרעמיערשאַפט פון דוד בן־גוריון איז אומעגלעך צו זיצן אין איין קאַבינעט. אויב ער וויל נישט אָפּטרעטן – טאָ זאָלן זיין נייע וואַלן! (י״ש ת״א, 16.2.61)

# ווער דאַרף זיין די אלטערנאַטיווע?

נאָך איידער ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַדורכצופירן נייע וואַלן צו דער פינפטער כנסת און מ׳האָט נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי וועט זיך אויסשפּילן דער איצטיקער רעגירונגס־קריזיס – זענען מיר אוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַן אויסטערלישער אין אונדזערע פאַרהעלטנישן דערשיינונג פון אויפשטעלן בלאָקן און פאַראייניקונגען צווישן פאַרשידענע פּאָליטישע כוחות אין לאַנד. אַנשטאָט אַ צוויי צענדליק אָדער אַ 15 וואַל־רשימות, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָסמאָל וועט דער פאַרמעסט זיין צווישן עטלעכע גרופּן. אויפן אָרט פון צעדריבלטע און צעפּיצלטע ליסטעס – געאייניקטע כוחות. און יעדער פון זיי וועט זיך פּראָקלאַמירן ווי אַן אַלטערנאַטיווע צו מפא״י, יעדער וועט זיין אַ בעלן צו ירשענען די איצטיקע קאָאַליציע. דער דאָזיקער פּראָצעס פון פאַראייניקונג אויף דער בירגערלעכער גאַס, וואָס אויבנאויפיק זעט ער אויס זייער פּראַקטיש און צוועקמעסיק, זאָגט אָבער נישט אָן קיין גוטס דער מדינה און קודם כל – אירע ערשטע און איצטיקע בויער, דעם אַרבעטער און פאָלקס־מענטש. דער ברייט־צעעפנטער פּאַרטייאישער פּעכער אין ישראל האָט אַ ברירה זיך איינצושרומפּן, אָבער באַזאַמען דערמיט דראָען געפאַרן פון איינשרומפּן און נאָך מערער באַגרענעצן די דעמאָקראַטישע רעכט פונעם פאָלק, דעם מאַטעריעלן וווילזיין פונעם האָרעפּאַשניק און צעשטערן די אַרבעטער־דערגרייכונגען.

**דער טרוים פון מנחם בעגין**

דער רעאַקציאָנערער כוח אינעם ישראלדיקן בירגערלעכן לאַגער – ״חירות״ – האָט די ערשטע געוואָרפן די לאָזונג וועגן אַ ברייטן נאַציאָנאַלן פראָנט (פון אגודת ישראל ביז די פּראָגרעסיווע). נאָך ווייט פאַרן פאַרענדיקן די קאַדענץ פון דער דריטער כנסת, זענען זיי וואָכנלאַנג געזעסן מיט די פאָרשטייערס פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און אונטערהאַנדלט וועגן פאַראייניקן זיך. פונעם שידוך איז גאָרנישט געוואָרן: נישט צוליב אידעאָלאָגישע אונטערשיידן, נאָר – צוליב בענקלעך. די פאַרטיילונג פון מאַנדאַטן, אַמטן, פּאָזיציעס און טיטולן, האָבן צעשטערט דעם טרוים פון מנחם בעגין אויפצושטעלן איין פּאַרטיי. ער האָט אָבער נישט אויפגעגעבן זיין געדאַנק וועגן אַ ״נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע״, ווייל אין סאַמע ברען פון דער ״פּרשה״ האָט זיין פּאַרטיי ווידער באַנייט אירע קאָנטאַקטן מיט די ציונים כלליים און דערביי אויך נישט פאַרגעסן דעם אַדרעס פון מזרחי־הפועל המזרחי. אויך ״חירות״ האָט גערעדט וועגן אַ ״ליבעראַלן פראָנט״ און איז גרייט געווען אונטער אירע פליגל אַריינצונעמען אַלע גרופּירונגען וואָס געפינען זיך רעכטס פון מפא״י... נאָר די אַלגעמיינע ציוניסטן, מיט זייער מוראדיקן דורכפאַל ביי די לעצטע וואַלן (8 מאַנדאַטן פון 13), האָבן געהאַט אַ באַרעכטיקטן גרונט נישט פאַרבינדן זיך דערווייל מיט ״חירות״ וואָס ציילט איצט 17 כנסת־דעפּוטאַטן. אויב שוין יאָ טוליען זיך צו וועמען – איז צו אַ מער־ווייניק גלייכן שותף. אַמפּאַסיקסטן דערצו איז די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי מיט אירע 6 דעפּוטאַטן, בפרט נאָך, אַז די אידעאָלאָגישע אונטערשיידן צווישן בײדע פּאַרטייען איז אַ פּיל־פּיל קלענערע ווי די פּראָפּאָרץ 8:6...

**די ליבעראַלע פּאַרטיי**

דערווייל איז פּאָריקע וואָך אַנטשטאַנען אַ ״נייער״ פּאָליטישער כוח – די ליבעראַלע פּאַרטיי. דאָס אָפיציעלע פאַראייניקן די ציונים כלליים און די פּראָגרעסיווע, איז נאָר אַ פראַגע פון

אַ פייערלעכער צערעמאָניע מיט באַמבאַסטישע רעדעס. די העכסטע אינסטאַנצן פוןביידע פּאַרטייען האָבן ענטגילטיק באַשלאָסן וועגן זיווּוג. י. ספּיר פון די אַלגעמיינע ציוניסטן ״נייט זיך שוין אַ בייטל״ פאַר 25 מאַנדאַטן ביי די נייע וואַלן. אויב זיי, די ״ליבעראַלן״, פאַרמאָגן איצט 14 – טאָ פאַרוואָס זאָל זיי נישט צופאַלן נאָך אַ 9 ערטער אין ישראלדיקן פּאַרלאַמענט? אינעם בירגערלעכן לאַגער אין ישראל הערשט ששון ושמחה, בפרט נאָך, אַז די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט נישט בדעה צו שליסן אירע טויערן, נאָר ברייטהאַרציק אַריינעמען צו זיך יחידים פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, אַקאַדעמיקער און אחרון אחרון – זיצן ביי איין טיש מיט ״חירות״ און די רעליגיעזע אויף צו פאַרגרעסערן די ליבעראַלע ראַם... נאָר פאַר אַלעמען וואָלטן זיי נישט געהאַט קעגן דעם, ווען מפא״י לאַדט זיי איצט איין אויף קאָאַליציע־געשפּרעכן וואָס זאָל זיי זיכערן עטלעכע פּאָטעלן אין דער רעגירונג, אַבי אויסצומיידן נייע וואַלן (די מפּלה פון 13 אויף 8 איז נאָך צו פריש אין זכרון, טראָץ דער באַרימערריי וועגן ממש געזיכערטע 25). ס׳איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אַז אויפן אָרט פון אַ ״ליבעראַלער״ אַלטערנאַטיווע צו מפא״י, זאָל אַנטשטיין אַ ״קליינע קאָאַליציע״ פון מפא״י מיט די ליבעראַלע.

מיר האָבן שוין געזען אַזעלכעס אין ישראל!

**אויך ביי מפא״י — נישט ביים ״אַלטן״**

אויך ביי מפא״י האָט דאָס אייז געבראָכן. אַנטקעגן אַלמוגיס קעמפערישן פּאָכען מיטן וואַל־שווערדל, ווערן דורך אשכולן געמאַכט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען צו פאַרמיידן די וואַלן, אפילו פאַרן פּרייז פון מוותר זיין אויף בן־גוריונען. די נייעסטע מפא״ישע קאָנצעפּציעס אויף צו לייזן דעם קריזיס, זענען:

א) אַ רעגירונג מפא״י – רעליגיעזע מיט אשכולן אַלס פּרעמיער און בן־גוריונען אַלס זיכערהייט־מיניסטער – אויף אַ תקופה פון 6 ביז 8 חדשים. דערנאָך ווערט בן־גוריון צוריק ראש־הממשלה.

ב) די זעלבע ״אַקראָבאַטיק״ מיטן פּרעמיער, נאָר באַנייען די פריערדיקע קאָאַליציע.

ג) אַ רעגירונג מיט די איצטיקע שותפים, נאָר אָן מפ״ם.

ד) אַ רעגירונג מפא״י־רעליגיעזע־פּראָגרעסיווע (עווענטועל מפא״י – ליבעראַלע).

אַוודאי זענען ביי מפא״י מעגלעך נאָך און נאָך פּאָרשלאַגן, אַבי צו פאַרמיידן וואַלן. אָבער אין רעוואָלוציע איז ביי זיי יאָ פאָרגעקומען: מ׳האָט רעזיגנירט פון דעם ״אייביקן פּרעמיער״, אַז ער זאָל אין דער נאָענטסטער תקופה פאַרנעמען דעם דאָזיקן הויכן אַמט. נאָר טריי דעם פּרינציפּ פון ״זיך איין אויג און יענעם – ביידע״, וויל די דאָזיקע פּאַרטיי, פאַרן פּרייז פון צייטווייליקן מוותר זיין אויף דעם מנהיג, ״באַשטראָפן״ מפ״ם און אחדות־העבודה, מיטן באַזייטיקן זיי פון דער רעגירונג.

אַ סברה, אַז די אַלע רעצעפּטן וועלן נישט געבן קיין הילף, ווייל דער מדינה־פּרעזידענט האָט שוין אָפיציעל געמאָלדן דעם כנסת־פאָרזיצער, אַז זיינע באַמיונגען אויפצושטעלן אַ נייע רעגירונג האָבן געליטן אַ דורכפאַל. די כנסת־קאָמיסיע פאַר געזעץ אַרבעט איצט איבער די פאַרשידענע פּאָרשלאַגן וועגן טערמין פון די וואַלן, וואָס הענגען ממש אין דער לופט. אָבער מפא״י מאַכט נאָך די לעצטע און פאַרצווייפלטע שריט אויסצומיידן די וואַלן און דורך פאַרשידענע המצאות און קנוניהס וויל זי ווייטער הערשן.

**פּראָנט קעגן פּראָנט**

אין אָנבליק פון אַזעלכע אַנטוויקלונגען, איז נישט קיין ווּנדער, אַז עס ווערט אַקטועל די פראַגע פון מערער דערנענטערונג, אָפּטערע צוזאַמענאַרבעט און ענגערע קאָנטאַקטן צווישן מפ״ם און אחדות־העבודה – פּועלי־ציון. אַלע פילן, אַז אויב עס וועלן יאָ פאָרקומען וואַלן צו דער פינפטער כנסת, איז אומפאַרמיידלעך דאָס אויפשטעלן אַ בלאָק פון ביידע פּאַרטייען. אמת, ביי מפ״ם און אחדות־העבודה קאָן נישט דער ענין צוגיין מיט אַזאַ לייכטקייט און לייכטזיניקייט ווי ביי

די אַלגעמיינע ציוניסטן און די פּראָגרעסיווע. פאַראַן ערנסטע מיינונג־פאַרשידנהייטן בנוגע אַ ריי קאַרדינאַלע פראַגן, אָבער זיי קאָנען נישט שטערן פעסטצושטעלן אַ געמיינזאַמע וואַל־פּלאַטפּאָרם, אַ בשותּפותדיקע קאַנדידאַטן־ליסטע וואָס זאָלן אין דער אונטערשטער שורה באַנען אַ וועג דער צוריק־פאַרייניקונג פוןביידע חלוצישע אַרבעטער־פאַרטייען. די דאָזיקע פּערספּעקטיוו פון אַ באַנייטער מפלגת הפועלים המאוחדת איז נישט נאָר דיקטירט פונעם אינטערעס פון אַרבעטער־איינהייט, נאָר קודם־כל – אַנטקעגנשטעלן זיך מיט געמיינזאַמע כוחות דער רעאַקציאָנערער קאָנסאָלידאַציע אויף דער בירגערלעכער גאַס; קעגנווירקן די געפערלעכע טענדענצן אינערהאַלב מפא״י; דינען ווי די אמתדיקע אַלטערנאַטיווע פאַר אַ חלוצישער רעגירונג, ביי וועלכער קיבוץ און מיזוג הגלויות, שלום מיט די שכנים, באַפעלקערונג פונעם נגב, זיכערקייט און גאַנצקייט פון די גרענעצן, העכערן דעם לעבנס־ניוואָ פונעם פּראָדוקטיוון מענטש, צוימען די אומערלעכע באַרייכערונג און שפּעקולאַציע פון געוויסע שיכטן, יושרדיקע פאַרטיילונג פון די סאָציאַלע לאַסטן און פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה – זאָלן זיין נישט נאָר פונקטן פונעם פּאַרטיי־פּראָגראַם צי פונעם וואַל־מאַניפעסט, נאָר דער תמצית פון זייער לעבן און שטרעבן, דער אינהאַלט פון זייער קאַמף און אויפגאַבן.

אַנטקעגן דעם פראָנט פון די כל־מיני ליבעראַלן, אין אָנבליק פון אַן עווענטועלער פאַראייניקונג פון די רעליגיעזע ליסטעס, צוליב דער געפאַר פון ״חירות״ס צושטיין צו איינער פון די דאָזיקע פאָרמאַציעס און ביי דעם אידעישן און מאָראַלישן באַרג־אַראָפּ וועלכן עס באַוויזט לעצטנס מפא״י – איז נייטיק אויך אויף דער חלוצישער גאַס מערער קאָנסאָלידאַציע און צוזאַמענאַרבעט. דער פראָנט מפ״ם – אחדות העבודה האָט אַ ברירה קעגנצווווירקן דער השפּעה און דעמאָראַליזאַציע צווישן אַרבעטער וואָס איז אין די לעצטע צען יאָר פאַרזייט געוואָרן – און ליידער, נישט אָן דערפאָלג – דורך די פאַרשידענע ״ליבעראַלן״ אין מפא״י גופא.

די אַלטערנאַטיווע צו מפא״י דאַרף נישט זיין די ליבעראַלע פּאַרטיי, אָדער די רעליגיעזע (מיט צי אָן ״חירות״). דער איינציקער אַדרעס פאַר אַזאַ אַלטערנאַטיווע קאָן נאָר זיין – אַ וואַל־בלאָק פון די אַלע כוחות וואָס זאָלן זיכערן די אַרבעטער־העגעמאָניע אין דער מדינה.

(י״ש ת״א, 16.3.61)

# מיט אַ שעה ווייניקער אויף דער רושטאָוואַניע

פאַבריקע וואָך האָבן די בוי־ארבעטער אין ישראל מיט מער קראַפט באַנייט זייער פאָדערונג וועגן אַ געקירצטן ארבעטס־טאָג אין זומער. א טייל פון זיי האָבן אפילו מיט א שעה פריער געוואָרפן די ארבעט, כדי צוגעבן וואָג דעם פארלאנג פון מפ״ם נאָך מיט דריי יאָר צוריק: צו געפינען זיך אויף די רושטאָוואניעס אין די דריי הייסע זומער־חדשים – פון 15טן יוני ביזן 15טן סעפּטעמבער – בלויז זיבן שעה, אנשטאט אכט.

קיינער וועט נישט חושד זיין די אמתע פּראָלעטאַריער, דעם פאַרמאַזאָליעטן און ענערגישן בוי־אַרבעטער, אַז ער האָט פּלוצום זיך אָנגעהויבן צו פוילן און זוכט געלעגנהייטן צו זיין באַשעפטיקט וואָס ווייניקער שעהן אין טאָג. דער אמת איז דער, אַז גרויסע טיילן פון דער ישראלדיקער ארבעטערשפט שטרעבן דווקא צו איבערשעהן, כדי נאָכקומען דעם גאַלאָפּירנדיקן יקרות, זיכערן די קינדער בילדונג, אָפּצאָלן די לאַסטנדיקע חובות און עטוואָס ״זיך אונטערציען״ צום הערשנדיקן לעבנס־שטייגער אין לאַנד.

די ״נישט־דערזעטיקטקייט״ אין געהאַלט פונעם פּועל־בנין איז די זעלבע ווי ביי אַנדערע לוין־אַרבעטער. נאָר וואָס דען? יוני, יולי און אויגוסט זענען חדשים פון ברענענדיקע היצן, פון אַן עודף שוויס און מידקייט ביי די, וואָס מוזן אונטער די שטראַלן פון דער גליענדיקער זון קלעטערן אויף די רושטאָוואַניעס, שלעפּן ציגל, שטעלן מויערן, גיסן בעטאָן, בייגן אייזן. לייגט זיך אויפן שכל, אַז אַרבעטן אַ שעה ווייניקער אין די דאָזיקע טעג וועט אין אַלגעמיינעם חשבון פון יאָר בלויז

אויסמאַכן איין פערטל שעה אויפן טאָג. דער בוי־אַרבעטער וועט אַ דאַנק דער דאָזיקער דערגרייכונג מערער קאָנסערווירן זיין געזונט, נישט ווערן אַזוי דערשעפּט און נישט קוקן אויף זיין פּאַך ווי אויף אַן אָפּקומעניש, אַ מין קאַטאָרגע, ווו מען מוז זיך ממש פּרעגלען אויף דער זון גאַנצע 8 שעה אין טאָג.

*

נאָך אין יאָר 1957 האָט די מפ״ם־פראַקציע אינעם בוי־אַרבעטער־פאַראיין אין רחובות געפאָדערט איינפירן דעם 7־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אין די זומער־חדשים. מיט אַ יאָר שפּעטער איז אַן אָנגעזעענע דעלעגאַציע אַוועק אין דער צענטראַלע פון די פּועלי־בנין און געפאָדערט דאָס זעלבע פאַרן גאַנצן לאַנד. דער לאַנד־ראַט פון די בוי־אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין ״סולל־בונה״, האָט מיט העכער אַ יאָר צוריק אָנגענומען אַן ענלעכן באַשלוס. דערנאָך האָבן געשטיצט די דאָזיקע פאָדערונג אַ ריי אָרטיקע פאַריינען, לאַנד־צוזאַמענפאָרן און פּאַרטיי־קעמערלעך פון די בוי־אַרבעטער. אַלע לעגיטימע הסתדרותישע וועגן זענען אָנגעווענדעט געוואָרן ביים ארויסרוקן די דאָזיקע גערעכטע פאָדערונג. אַפילו די צענטראַלע פון די בוי־אַרבעטער האָט לענגער נישט געקאָנט פאַרציען דעם ענין און אויך באַשלאָסן וואָס גיכער אויפצוקלערן די פאָדערונג און אַנטשיידן לטובת די אַרבעטער.

ווי נאָר די פאָדערונג האָט דערגרייכט צום באַהאַנדלונג־טיש פון דער פראָפ׳־אָפּטיילונג ביי דער הסתדרות, האָט די דאָזיקע אינסטאַנץ, וואָס פאָרמעל, מאָראַליש און פּאָליטיש דאַרף זי פאַרטיידיקן די אַרבעטער־אינטערעסן, גאָר באַשלאָסן – ״באַגראָבן דעם ענין איז אַ קאָמיסיע״ אויף צו קאָנטראָלירן, פאָרשן, פאַרגלייכן ״פון עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן און קלימאַטיש־מעדיצינישן שטאַנדפּונקט״ צי מען קאָן איינפירן דעם פאַרקירצטן אַרבעטס־טאָג. אַזוי ווי גרויסע טיילן פונעם בוי־פראָלעטאַריאַט האָט נישט אָנגענומען די פאַרשלעפּעניש, און מפ״ם מיט אחדות־העבודה האָבן אפילו געוואָגט צו רופן, אָנהייבנדיק פון 15טן יוני, איבעררייסן די אַרבעט נאָך 7 שעה, איז די צענטראַלע פון בוי־אַרבעטער פאַריין אַרויס מיט אַ קול־קורא אַז ״אַזאַ שריט קאָן ברענגען שאָדן דער ישראל־ווירטשאַפט״ און ״אַז מיר זענען זיכער, אַז די בוי־אַרבעטער וועלן נישט ענטפערן אומקאָמפּעטענטע רופן און אָנווייזונגען, ווי נאָר מצד דער אָרגאַניזאַציע פון די בוי־אַרבעטער – און ווער עס וועט יאָ ענטפערן, טוט דאָס אויף פערזענלעכער אחריות...״

די שפראַך און צוגאַנג צו אַרבעטער־פאָדערונגען מצד מפא״י און אירע ליבעראַלע און רעליגיעזע פאַרבינדעטע אין דער הסתדרות, האָט דאָ ווידער דעמאָנסטרירט עקשנות, פאַרביסנקייט, פאַריסנקייט און דראָאונגען.

אינטערעסאנט, אז ווי נאָר עס קומט צו אן ארבעטער־ענין, הייבט מען אן קלאפּן טרעוואָגע וועגן געפאַרן פאר דער מדינה: אז עס דראָט אונדז אינפלאַציע; אז יעדער ארבעטער־דערגרייכונג ברענגט מיט זיך א נייעם יקרות. קלאָר, אז אונטער די דאָזיקע אויסגעטראַכטע שאָדנס פאר אונדזער ווירטשאפט, באהאלט זיך קודם כל דער פחד פאר אויסגעוואקסענע פאָדערונגען מצד דעם ארבעטער, די מורא קוים וועט דער ישראלדיקער ארבעטער־קלאס זיך ארויסרייסן פון זיין לעטארגיע און ארויפטרעטן אויפן דרך־המלך פון ראדיקאלן קאמף פאר עקאָנאָמישע דערגרייכונגען און אויך ווערן אקטיוו פּאָליטיש־געזעלשאפטלעך.

מפא״י און אירע בירגערלעכע שותפים האָבן פאר אָט דעם לעצטן ״פּרעצעדענס״ מערער מורא ווי פאַר ארבעטן אַ פערטל שעה ווייניקער איבערן יאָר, אָדער פאר דערלייגן נאָך עטלעכע פונט צום לוין. ווייל ווי עס קומט צו קאָנצעסיעס, רווחים, פּרעמיעס פאַר די פאַרמעגלעכע שיכטן – דאַמאָלט זענען די זעלבע פאַרטייען שוין גאָרנישט אַזוי קאַרג און ריידן נישט וועגן ״קאַטאַסטראָפעס״, נאָר מיט אַ ברייטער האַנט טיילט מען פונעם ״נאַציאָנאַלן קוכן״ נאָך און נאָך, נישט איבערלאָזנדיק אפילו שיריים פאַרן אַרבעטער־פאָלק...

*

לאָמיר די דאָזיקע הנחה באַגרינדן מיט ציפערן און פאַקטן:
אינעם באַריכט פאַר די מדינה־איינקונפטן אין יאָר 1957 ווערט אָנגעגעבן, אַז 50% לוין־אַרבעטער

אין ישראל האָבן פאַרדינט וווייניקער פון 200 ל״י אַ חודש, בעת 200 ״עצמאיים״ (״זעלבשטענדיקע״) האָבן אין דורכשניט פאַרדינט צו 92 טויזנט ל״י אַ יאָר יעדער; די הכנסה פון 1065 עצמאיים דעם זעלבן יאָר האָט באַטראָפן אַזויפיל ווי די פול 50 טויזנט לוין־אַרבעטער (אַלזאָ – יעדער האָט פאַרדינט פופציק מאָל מערער ווי דער לוין־אַרבעטער) און די הכנסה פון די פרייער דערמאָנטע 200 זעלבשטענדיקע האָט זיך אויסגעגלייכט מיט די פאַרדינסטן פון 22 טויזנט לוין־אַרבעטער. דוכט זיך, אַז קיין גרעסערע אילוסטראַציע צו אָרעם און רייך אין ישראל דאַרף מען נישט, ווי דער דאָזיקער אָפיציעלער באַריכט.

דאָס איז נוגע אַרבעטער און אונטערנעמער.

פאַראַן אָבער אינערהאַלב דער אַרבעטערשאַפט גופא אַ געוואַלדיקער אונטערשיד אין די לוינען, סאָציאַלע דערגרייכונגען, פּריווילעגיעס, וואָס ווערט געפּלעגט דורך דער מערהייט אין דער הסתדרות. נעמט, צום ביישפּיל, דעם גרונט־לוין פון אַ גוט־קוואַליפיצירטן בוי־אַרבעטער, אַ טאַטע פון צוויי קינדער, וואָס באַטרעפט נישט מער ווי 299 ל״י אַ חודש – און שטעלט זיי אַנטקעגן די פינף העכסטע קאַטעגאָריעס פון מדינה־אָנגעשטעלטע און הויכע הסתדרות־באַאַמטע (פון 363 ביז 800 ל״י אַ חודש). דערביי באַקומען נאָך די לעצטע דערלייגט פאַר פיקטיווע צי אמתע איבערשעהן, סטאַזש־און משפחה־צוגאָב, נסיעות אדג״ל. די דאָזיקע סעלעקטיווע לוין־פּאָליטיק, געשטיצט אויפן פאַרפירן דעם געהאַלט פון די נידעריקע קאַטעגאָריעס און ביי די פּראָדוקטיווע פאַכן, ביים כסדרדיקן העכערן דעם לוין פון די אַזוי אויך גוט־באַלוינטע (ווי דאָס איז אין די לעצטע יאָרן געשען ביי די אַפּטייקער, זשורנאַליסטן, יוריסטן, הויכע באַאַמטע – און דערצו נאָך אויף אַ רעטראַאַקטיוון אופן), האָט זיך מוראדיק נוקם געווען אינעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג, געהאָלפן דעם פּראָצעס פון אַנטלויפן פון פיזישער אַרבעט און פון דער רושטאָוואַניע, געשאַפן אַ הויכע ״סאָציאַלע לייטער״ פון לוינען און דערגרייכונגען. די אויסגעוואַקסענע בורזשואַזיע מיט איר ווילטאָג־לעבן; די געפּלעגטע און זיך אַנטוויקלענדיקע ״אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע״ – פאַרטיפן דעם תהום צווישן די וואָס לעבן פון זייער פּראַצע און צווישן די וואָס באַרייכערן זיך אויף זייער חשבון.

און ווידער עטלעכע ציפערן, מיט דער בקשה, זיי זאָלן נישט לאַנגווייליקן, נאָר פאַראינטערעסירן און מ׳זאָל פון זיי עפּעס לערנען:

דעם אַרבעטערס אָנטייל אין דער נאַציאָנאַלער הכנסה ווערט פון יאָר צו יאָר קלענער. אויב אין 1957 האָט ער אויסגעמאַכט 59%, איז ער אין יאָר 1958 געפאַלן אויף 56% און אין יאָר 1959 – אויף 54%:

*

ביי אַזאַ לאַגע איז נישט קיין וווּנדער, וואָס מען אַנטלויפט פון פּראָדוקטיווע פאַכן, מען מיידט אויס צו ווערן אַ פיזישער אַרבעטער און די וואָס אַרבעטן שוין יאָ אין פאַבריק צי אויף דער רושטאָוואַניע, פאַלט גאָרנישט איין צו שיקן זייערע קינדער אויף זייערע ערטער... דער אַרבעט־מיניסטער האַלט אין איין אַלאַרמירן וועגן מאַנגל אין קוואַליפיצירטע פאַכלייט, דערפאַרענע ספּעציאַליסטן אין דער אינדוסטריע און בוי. דער פּראָצענט באַשעפטיקטע אין די באַדינונגען, באַאַמטע און פאַרמיטלונג – האַלט זיך אין איין פאַרגרעסערן אויפן חשבון פון פּראָדוקטיווע אַרבעטער. אין יאָר 1947 האָבן 58.8% הסתדרות־מיטגלידער געאַרבעט אין דער אינדוסטריע, האַנטווערק און לאַנדווירטשאַפט. און מיט 12 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1959 איז דער ציפער געפאַלן אויף 40.5%. היינט־צו־טאָג זענען ביי אַ 52% לוין־אַרבעטער באַשעפטיקט ביי באַדינונגען און אין די אַמטן, בעת די צאָל פּראָדוקטיווע אַרבעטער האַלט זיך אין איין פאַרקלענערן. און דער חשבון איז אַ פּשוטער: מען רייסט זיך צום האַנדל, צו ביזנעס פון עקספּאָרט־אימפּאָרט, צו פינאַנסן און באַנק־וועזן, צו בערזע, אינוועסטיציעס, פאַרמיטלונג, אינדוסטריע. דאָ באַגרענעצט מען נישט די פאַרדינסטן, דאָ שטעלט מען נישט פעסט וויפל שעה צו אַרבעטן, דאָ ביסטו אומגעשטערט אינעם פירן אַ פאַרשווענדעריש לעבן, אין לוקסוס און אין

ווילטאָג, וויסנדיק, אַז דער רעזשים וועט דיך נישט טשעפּן און באַלעסטיקן מיט שטייערן און אויפּזיכט ווי דעם לוין־אַרבעטער.

דערפאַר אָבער "האַלט מען אַן אויג" אויף די 25% (125 טויזנט) פון דעם האַלבן מיליאָן לוין־אַרבעטער, וואָס פאַרדינען וויינציקער פון 200 ל"י אַ חודש. זייער לוין דאַרף מען נישט פאַריכטן, זייער לאַגע לאָזן ווי זי איז. וויסנשאַפטלער און סאָציאָלאָגן האַלטן, אַז אַזאַ לוין מיינט אונטער־דערנערונג, בעת די עקאָנאָמיסטן פון אשכולן און בן־גוריונען מאַכן דעם חשבון פון "דורכשניט": אויב מ'האָט קאָנסומירט אַ מיליאָן הינער אין משך פון אַזאַ און אַזאַ צייט, קומט אויס אויף יעדער משפחה ("אין דורכשניט!") 10 עופות. ממש – אַ גן־עדן אויף דער ערד!

*

80 טויזנט בוי־אַרבעטער אין ישראל שטייען איצט אין אַ האַרבער מערכה פאַר זייערס אַ פאָדערונג, וואָס דאַרף אומבאַדינגט אונטערשטיצט ווערן דורך דער הסתדרות און דורך דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. די הסתדרותישע און גלייכצייטיק גרעסטע בוי־אונטערנעמונג אין לאַנד – "סולל־בונה", באַשעפטיקט 28 טויזנט אַרבעטער אין אירע דריי דיוויזיעס: בוי און עפנטלעכע אַרבעטן, אינדוסטריע און פּאָרטן און אויסלענדישע אַרבעטן. און זי וואָלט באַדאַרפט געבן דעם ביישפּיל און אַליין איינפירן ביי זיך דעם זומערדיקן, געקירצטן אַרבעטס־טאָג אויף די רושטאָוואַניעס. אַזאַ אַקט וואָלט אויך געצוווּנגען די פּריוואַטע בוי־אונטערנעמער (קבלנים), וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו ריזיקע פּאַרמעגנס, צו פאַרקירצן ביי זיך דעם אַרבעטס־טאָג אין זומער.

די טעג האָט די קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון מ. ברטל, א. ארד, מ. עציון, ש. זן־בר, מ. אמסטר, ה. דון און ג. ווייזער אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם ענין. און צו די מפא"י־פאָרשטייער אין דער קאָמיסיע ווילן מיר זאָגן:

פארגעסט נישט ווער עס האָט אייך געשיקט אהין, וועמען איר רעפּרעזענטירט און וועמען איר דארפט פארטיידיקן. ס'איז אָנצונעמען, אז איר זענט אמאָל אויך געשטאנען אויף דער רושטאָוואניע און אפשר נאָך נישט געהאט די אלע שיינע דערגרייכונגען וואָס דער בוי־ארבעטער האָט היינט. אָבער וויפל מאָל האָט איר אין א הייסן זומער־טאָג געטרוימט וועגן ארבעטן א שעה וויינציקער, אָפּוואשן זיך מיט 60 מינוט פריער פאר די אכט שעה, לאָזן אביסל מערער אָפּרוען דעם אויסגעטרוקנטן פון דער זון און פאַרמאַטערטן פון דער שווערער ארבעט גוף? אוודאי האָט איר געטראַכט וועגן דעם – און היינט, ווען איר זיצט אין די לופטיקע צימערן פונעם ועד־הפועל פון דער הסתדרות, ביי א גלאַטן פּאָרמייקע־טיש אויף וועלכן עס שטייען קאַלטע געטראַנקען און באהאַנדלט די ווענדונג פון די בוי־ארבעטער, זאָל מען נאָך אייער באשלוס נישט דארפן זאָגן, אז "דער אָקס האָט פארגעסן, ווען ר'איז אליין אמאָל געווען א קעלבל..."

*

אַ שעה וויינקער אויף דער רושטאָוואַניע אין די זומער־חדשים וועט נישט שאַדענען אונדזער ווירטשאַפט, נאָר הייבן דעם אָנזען פונעם אַרבעטער, געבן אים דאָס געפיל, אַז די הסתדרות שטייט הינטער אים, אַז אויך פאַרן פּראָלעטאַריער אין ישראל איז נאָך דאָ אַ אָפן אויער און אָפן האַרץ – און נישט שטענדיק מוז ער באַהאַנדלט ווערן אויף אַ שטיפמוטערישן אופן.

(י"ש ת"א, 22.6.61)

## די דערגרייכונג און "אויפטו"

גרויס איז געווען די איבעראַשונג און נאָך גרעסער די פרייד מיטן דערהערן די ראַדיאָ־מעלדונגען וועגן דערפאָלגרייכן ארויסשיקן אין חלל די ערשטע ישראלדיקע ראַקעטע פאַר מעטעאָראָלאָגישע פאָרשונגען. א מדינה וואָס איז קוים 13 יאָר אלט, מיט א קליינעם שטח און 2 מיליאָן איינוווינער, איז די אכטע אין דער ריי – נאָך ראַטנפארבאַנד, אמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, אַרגענטינע און יאַפּאַן – וואָס באַזיצן אַזעלכע ראַקעטעס. דער ידישער זשעני און די ישראלדיקע וויסנשאפט האָבן געפייערט דעם פולן טריומף.

נאָר אויך אין דעם פאַל האָט זיך באַשטעטיקט דאָס אלטע פאָלקס־ווערטל, אַז "יעדע יידישע שמחה איז אויסגעמישט מיט אַ טרער". אָט הערסטו זיך צו אַ פאַרגאַפטער און באַגייסטערטער צו די ערשטע ווערטער פון ראַדיאָ־קאָמוניקאַט וועגן אַ דערגרייכטער הייך פון 80 קילאָמעטער, וועגן אייגענעם נישט־פליסיקן ברענשטאָף, וועגן די עטלעכע עטאַפּן פון דער ראַקעטע, וואָס האָבן זיך אויטאָמאַטיש אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן — און דאָס האַרץ וואַקסט פון פרייד. נאָר מיטאַמאָל — גיט עס דיך אַ ציַ אַראָפּ צוריק צו דער ערד, מיט די פריצייטיקע וואָלן, "פרשהס", רעגירונגס־קריזיס, —, און די גאַנצע שמחה ווערט באַזאַלצן מיט אַ טרער. ס'בלייבט אַ שלעכטער טעם אין מויל און די באַגייסטערונג פאַרשווינדט, ווי די אַרויסגעשאָסענע ראַקעטע...

**איך, זי און — ער...**

נישט דעם באַרימטן "פאַמיליען־דרייעק" מיינען מיר דאָ, הגם די דריי אָפיציעלע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן בייגעוווינט דעם עקספּערימענט מיט "שביט 2", געהערן צום ענגן משפחה־קרייז פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי. און דערפאַר האָבן נאָר זיי געהאַט די זכיה צו זיין אָנוועזנד בעתן שיקן די ראַקעטע: ער — דער פרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער; זי — די אויסערן־מיניסטאָרין פון מדינת ישראל. און ווידעראמאָל ער — דער וויצע זיכערהייטס־מיניסטער, די "יונגע" רעכטע האַנט פונעם "אַלטן" ראש־הממשלה.

16 מיניסטאָרן ציילט די ישראל־רעגירונג, 9 פון זיי געהערן צו מפא"י און די 7 אַנדערע — צו דריי קאָאַליציע־פּאַרטייען. יעדער מיניסטער האָט זיך זיין רעסאָרט, זיין טעטיקייטס־געביט, זיינע פולמאַכטן און קאָמפּעטענצן. אפילו אַ קליין קינד ווייסט, אַז די מעטעאָראָלאָגישע דינסט אין ישראל אונטערליגט דעם קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום. אויב אַזוי, האָט זיך גלייך געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס האָבן נאָר די דריי געוווּסט און זענען איינגעלאַדן געוואָרן צו דער געשעעניש? פאַרוואָס אַזאַ גרינגשעצנדיקע באַציאונג צו די איבעריקע קאַבינעט־מיטגלידער? פאַרוואָס דאָס בויקאָטירן אפילו דעם מיניסטער, וועלכער איז דער דירעקטער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אונדזער מעטעאָראָלאָגיע?

פאַר די וואָס האָבן קענען געלערנט בן־גוריונס גענג אַלס פרעמיער פון אַ קאָאַליציע־רעגירונג אין משך פון אַ סך יאָרן; וואָס האָט געוווּסט פאַר איר אויסצובאַהאַלטן די פּלאַנירונג און צוגרייטונג צו דער סיני־אַקציע; נישט געמאָלדן איר וועגן דער לעצטער רייזע קיין ניו־יאָרק, אָטאַוואַ, לאָנדאָן און פּאַריז און שווייגט נאָך ביז איצט עקשנותדיק וועגן זיינע צוזאָגן אָדער פאַרפליכטונגען צו קענעדין בנוגע דעם פליטים־פּראָבלעם; וועגן זיין סודותפולן אויסזוכן דעם דייטשישן קונה פאַר אונדזערע "עוזיס" — וואָס איז דער ווונדער, אַז אויך אין פאַל מיט דער ראַקעטע, האָט ער זיך אויסגעלאַכט פון קאָלעקטיווער אחריות, און ווייטער זיך געקלאַמערט אין דער ליניע פון גרינגשעצן דעם קאַבינעט? "איך, זי און ער — וועלן זיין גענוג צו אַזאַ פייערונג" (הגם, צוריקגעשמועסט, דאָס אויסקלייבן די דריי איז שוין אויך געוווען אַ שריט פאָרויס. אין לאַנד רעדט מען שוין פון לאַנג, אַז אַרום יעדער וויכטיקער אַקציע, באַראָט זיך שטענדיק דער פרעמיער מיטן זיכערהייטס־מיניסטער. און ווען עס קומט צו ערנסטע מיליטערישע ענינים — באַראָט זיך דער זיכערהייטס־מיניסטער מיטן פרעמיער...)

פונקט ווי אַ "פאַמיליען־דרייעק" איז גורם צו צרות און גרילצן אין דער משפחה און אַרום, האָט אויך דאָס דערשיינען פון די דריי אַרויסגערופן לגמרי נעגאַטיווע אָפּקלאַנגען.

אויב אָננעמען די אָפיציעלע ווערסיע — און זי איז טאַקע אַ ריכטיקע — אַז אונדזער ערשטע ראַקעטע דאַרף זיך פאַרנעמען מיט פעסטשטעלן די הייך פון די וואָלקנס, די ריכטונג פון די ווינטן, די ענדערונגען אין דער סטראַטאָספער, טאָ צוּוואָס צוגעבן דעם דאָזיקן עקספּערימענט אַן אויסגעשפּראָכן מיליטערישן כאַראַקטער? אויב צום אַרויסשיקן די ראַקעטע באַגנוגנט מען זיך מיט דער בלויזער אָנוועזנהייט פון זיכערהייט־מיניסטער, זיין וויצע און דער אויסערן־מיניסטאָרין, הייסט עס, אַז מ'האָט דאָ פאַרביטן די יוצרות. ווייל די אַלע האָבן אַ קנאַפּן שייכות מיט

מעטעאָראָלאָגיע. ווער שמועסט נאָך, אַז אין אַ צייט ווען ד. בן־גוריון האָט אונטערגעשטראָכן דעם וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער פון עקספּערימענט, האָט ש. פּערעס זיך באַרימט מיט די מיליטערישע אייגנשאַפטן פון דער אונטערנעמונג.

טאָ וועלכער איז געווען דער אמתער ציל פון שיקן די ראַקעטע?

די אויסלענדישע פּרעסע – און צווישן זיי די גרויסע און ערנסטע – האָבן ביים באַגריסן ישראל פאַר איר דערגרייכונג, אויך נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן, אַז אייגנטלעך איז עס אַ מיליטעריש־ער אויפטו. און ס׳איז ביי זיי אַוועק אַ סדרה פאָרויסזאָגונגען, אַז אין ראַיאָן פון נאָענטן מזרח וועט זיך איצט אָנהייבן אַ באַוואָפענונג־געיעג פון ראַקעטעס. מצרים וועט איר הינטערשטעליקייט אויף דעם געביט "אויסגלייכן" מיטן איינקויפן זיך עטלעכע אַזעלכע כּלים "אויפן פרייען מאַרק" אין אַמעריקע, ביי דער פריינדלעכקייט פון "ווייסן הויז", וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן אַזאַ עקספּאָרט־דערלויבעניש קיין קאַיר. אויב דער ציל פון דער ראַקעטע איז געווען צו פאַרשאַרפן דעם פּאָליטישן קלימאַט אויף דער ערד, אנשטאַט פאָרשן די וואָלקנס אין דער הייך – איז דער ציל דערגרייכט געוואָרן. נערוועזיטעט און שפּאַנונג, פאַרשטאַרקטער באַוואָפענונגס־געיעג און דאָס טייטלען אויף ישראל ווי אויף אַ לאַנד מיט גרויסער מיליטערישער פּאָטענץ, וועט אוודאי נישט צואיילן די שטרעבונג וואָס מיר ווילן: באַרואיקונג אין ראַיאָן און שלום מיט די שכנים.

דאָס פאַרביינדן אָבער די מעטעאָראָלאָגיע מיט זיכערהייט, האָט אוודאי אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער צייט. אַז מען שיקט אַרויס צום ערשטן מאָל אַ ראַקעטע אויף אַ הייך פון 80 קילאָמעטער, אפילו ווען זי זאָל זיין באַשטימט נאָר פאַר וועטער־פאָרשונגען, איז אָבער גוט פּינף וואָכן פאַר די וואַלן צושרייבן דער זאַך מיליטערישע צילן און דערביי צולאָזן צו דער שמחה בלויז מיניסטאָרן פון מפא״י. ווייל ווי באַוווּסט, איז דאָך זיכערהייט – נאָר מפא״י; וויסנשאַפט און טעכניק – מפא״י; אַלץ וואָס ווערט געטאָן אין דאָזיקן לאַנד – אין זכות און אין חסד פון מפא״י...

*

צי אַ דערגרייכונג פון מדינת ישראל? אומבאַדינגט יאָ! נאָר דער "אויפטו" פון דעמיסיאָנירטן פּרעמיער צו פאַרמפּא״ישן און פאַרפּאַרטייאישן די געשעעניש, און פון זיין פאַרטרעטער – צו מיליטאַריזירן זי – האָט פאַרטונקלט די דערגרייכונג, געשאַפן אַן אומגעזונטע אַטמאָספער פון פאַרדאַכטן און האַרבע רעאַגירונגען אין דער וועלט און אין דער ראַיאָן.

געבענטשט זאָלן זיין אַזעלכע דערגרייכונגען – נאָר היט אונדז גאָט פאַר אַזעלכע "אויפטוען"...

(י״ש ת״א, 13.7.61)

## די ערשטע מסקנות

ווען די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, איז נאָך נישט פאַראַן קיין ענטגילטיקער וואַל־אויסגאַנג צו דער פינפטער כנסת. אָבער דאָס אַלגעמיינע בילד, באַזונדערס בנוגע דער מאַנדאַטן־פאַרטיילונג, איז גענוג קלאָר. מעג מען זיך דערלויבן צו מאַכן די ערשטע אויספירן און דערגיין צו באַלדיקע מסקנות.

מפא״י האָט פאַרלוירן פינף מאַנדאַטן און אויך אינעם אַראַבישן סעקטאָר אירן האָט זי צו פאַרצייכענען אַ ירידה.ביידע בירגערלעכע "אַלטערנאַטיוועס" צו מפא״י – "חירות" און די ליבעראַלן, האָבן נישט געירשנט די פאַרשפּילטע מפא״י. די 2 – 3 מאַנדאַטן וואָס די נעכטיקע פּראָגרעסיווע און אַלגעמיינע ציוניסטן באַזאַמען האָבן צובאַקומען, זענען אַ גאָרנישט אנטקעגן די אָפּטימיסטישע נביאותן פון דער "גאַס" און די האָפערדיקייט אין די אייגענע רייען. עס האָט אויך איבעראַשט אין אַ געוויסער מאָס די איינגעהאַלטענע פּאָזיציע פון "חירות", פּונקט ווי עס איז צו שטוינען בנוגע דעם צוגאַב־דעפּוטאַט פאַר ביידע אגודה־פאַרטייען.

אויך אינעם אַרבעטער־סעקטאָר האָבן די דעוואַלוואַציע נישט געגעבן יענץ וואָס מ'האָט דערוואַרט. דער אויפשטייג פון מפ"ם, הגם אַן און פאַר זיך א זייער וויכטיקער, איז דאָך נישט קיין צופרידנשטעלנדיקער. די סטאַגנאַציע פון אחדות־העבודה מיט אירע פאַרלוסטן פון דער פאָריקער כנסת, האָבן צוניִשט געמאַכט די פאַלשע און אָפּאָרטוניסטישע חשבונות פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. איבעראַשנדיק איז דער וווּקס פון מק"י, מיטן צובאַקומען נאָך צוויי מאַנדאַטן.

דער פאַרלוסט פון די מפא"ישע פינף מאַנדאַטן באַדייט פאַר דער דאָזיקער פאַרטיי אַ מפלה. די צענטליקער טויזנטער ווײַלער וואָס האָבן זיך פון איר אָפּגעטרייסלט, טראָגן די שווערע מיליאָנען, קאָלאָסאַלער אַרבעט, דראָונגען און לאָקונגען, האָבן אַ סברה נישט געוואָלט אָננעמען די אַליינהערשאַפט און פערזאָנען־קולט מצד און כלפּי דעם מנהיג; זיי האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון די "יונגע" מיטן "אַלטן" בראש; זיי האָבן געגעבן אַ גט די דיקטאַטאָרישע און גלייכצייטיק ליבעראַלע טענדענצן אין מפא"י, אַרויסגייענדיק פון דער ריכטיקער מסקנה, אַז עקאָנאָמישן "ליבעראַליזם" קאָן מען געפינען ביים מקור, איידער ביי די קאָפּירער... דערמיט טאַקע לאָזט זיך אויך דערקלערן, וואָס אַ גרויסער טייל מפא"ישע פאַרלוסטן איז "אַריבער־געשפרונגען" צו די ליבעראַלן און פאַרגרעסערט, הגם נישט וועזנטלעך, איר מאַנדאַטן־באַזיץ. די דאָזיקע דערשיינונג באַווייזט, אַז אין די רייען פון מפא"י האָבן זיך געפונען טויזנטער און טויזנטער ווײַלער מיט אַן אויסגעשפּראָכן בירגערלעכער אידעאָלאָגיע אָך ביז די וואָלן פילן זיי זיך גוט אין דעם מפא"ישן "סופּערמאַרקעט". ווי נאָר ביידע בורזשואַזע פאַרטייען האָבן זיך פאַראייניקט, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לויפעניש אין יענער ריכטונג.

די "פּרשה" האָט אַמיינסטן געהאַט איר אָפּקלאַנג אין די קיבוצים פון מפא"י — איחוד הקבוצות און הקיבוצים. דאָרט איז דער פּראָצענט אָפּגעהאַלטענע און געפּסלטע שטימען געווען געוואָג גרויס. הגם דאָס האָט פאַרקלענערט די צאָל מפא"ישע ווײַלער, האָט עס אָבער נישט פאַרגרעסערט מיט קיין סך די צאָל שטימען פון ביידע חלוצישע אַרבעטער־פאַרטייען. אַזאַ האַנדלונג האָט אַמיינסטן אַנטוישט אחדות־העבודה, וועלכע האָט געבויט אויף די־אָ שטימען.

אויב סומירען די געשעענישן אין מפא"י אין דער לעצטער וואַל־קאַמפּאַניע, באַקומט זיך אַזאַ בילד: דער בירגערלעכער עלעמענט אירער איז אַוועק צו דער "מוטער־פאַרטיי" — צו די ליבעראַלן, בעת דער קיבוצישער און עכט־פּראָלעטאַרישער עלעמענט האָט זיך דער עיקר באַגנוגנט מיט אַ פאַסיוון פּראָטעסט.

אויב ס'איז נישט קיין איבעראַשונג דער פאַרהעלטניסמעסיק קליינער פאַרלוסט פון "חירות", וואָס האָט דאָסמאָל זיך באַגנוגנט מיט "שטילע טענער" אין איר וואַל־פּראָפּאַגאַנדע, אַנטקעגן די אויסערלעכע און ביליקע עפעקטן צו דער פערטער כנסת, וואָס האָבן אויך דאַן נישט געגעבן דעם געגאַרטן זיג, איז צו שטוינען אויפן צוגאָב־מאַנדאַט פון ביידע אגודה־פאַרטייען. אין די שטורמישע טעג פון זייערס אַן אייגנאַרטיקער "פּרשה" מיט יאָסעלע שוכמאַכער, פאַר וועלכע די צוויי פאַרטייען זענען נישט ווייניקער פאַראַנטוואָרטלעך ווי די יינגע אין מפא"י פאַר דער "פּרשה לבון" — האָבן זיי צובאַקומען כּוח: נאָך שטימען און איין מאַנדאַט. נישט אַנדערש, דער פּראָצעס פון קלעריקאַליזאַציע און רעליגיעזער השפּעה שטאַרקט זיך אין לאַנד. און דאָס זאָגט נישט אָן קיין גוטס דעם פּראָגרעסיוו־חלוצישן כאַראַקטער פון אונדזער מדינה.

*

מפ"ם מעג מיט צופרידנקייט פאַרצייכענען אירע צוגאָבלעכע שטימען. אַ סברה, אַז די אומגעצוימטע העצע פון מפא"י, באַזונדערס אויפן געביט פון דער אַראַבישער מינדערהייט און "פאַרקויפטקייט" צו מאָסקווע — האָבן באַדאַרפט צוימען זייערע אייגענע חברים צו ווענדן זיך לינקס. זענען זיי טאַקע נישט געגאַנגען צו דער אורנע מיט אַ "מ", נאָר דאָרט אַריינגעלייגט — אַ "ל".

איינס איז קלאָר: די ערלעכקייט פון דער גאַנצער מפ"מישער וואַל־קאַמפּאַניע, די אויפריכטיקייט פון אירע אַרויסטרעטונגען און די אידעישע אָנגעלאָדנקייט, האָט ביים אַרבעטער,

וואָס זעט טאַקע אין דער פאַרייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי די אַלטערנאַטיווע, זיך אויסקריסטאַליזירט אַ ווילער־עלעמענט וואָס האָט אָן פּחד און חשבון, מיט אַן אויסגעשפּראָכן חלוציש־סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין, געגאַנגען אָפּגעבן זיין שטים פאַר מפ"ם. דער שטימען־געווינס פון מפ"ם און וואַרשיינלעך — אויך פון אַ מאַנדאַט — איז דערמוטיקנדיק און באַווייזט, אַז נאָך נישט אַלץ איז פאַרשפּילט אין דעם דאָזיקן לאַנד. דער געראַנגל פאַרן חלוצישן כאַראַקטער פון דער מדינה דאַרף ווייטער אָנגיין, נאָר מיט מער קראַפט און שוווּנג, באַזונדערס — אין די טעג נאָך די וואַלן.

מיר האָבן נישט קיין שאָדנפרייד וואָס אחדות־העבודה איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. וואָלט זי געווען אָנגענומען די אויסגעשטרעקטע האַנט פון מפ"ם און באַזאַמען מיט איר דערשינען אין אַ געמיינזאַמער רשימה צו דער פינפטער כנסת, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די דאָזיקע פּאַרטיי און ביידע חלוצישע אַרבעטער־כוחות אין אַ פאַרייניקטער ליסטע, וואָלטן געקאָנט פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערפאָלגן. דער פאַלשער חשבון פון געווינען פון יענעמס פאַרלוסטן, אויב גיין אַליין — האָט געגעבן זיין צייכן. אָבער נאָך די וואַלן וואָלט אחדות־העבודה באַדאַרפט פאַרוואַרפן אירע פאַלשע חשבונות און דורכפירן אַ חשבון־הנפש, באַזונדערס אין אָנבליק פון איר מפּלה ביי די פאַריקע כנסת־וואַלן און ביים בלייבן איצט שטיין אויף אַן אָרט.

מק"י וועט אוודאי קלאַפּן אין דער נצחון־פּויק צוליבן צובאַקומען צוויי מאַנדאַטן. מיר ווייסן אָבער, אַז דאָס זענען דער עיקר שטימען פון אונטערגעהעצטע און פאַרצווייפלטע אַראַבער, פון נישט־איינגעוואָרצלטע און אַנטי־ציוניסטישע עלעמענטן, וואָס קוויקן זיך טאַקע (און מיט רעכט!) מיט די קאָסמאָס־פליען פון יורי גאַגאַרין און גערמאַן טיטאָוו, אָבער האַלטנדיק פאַריסן די קעפּ אַזוי הויך, דערזעען זיי נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער ישראלדיקער ערד. מיר זענען איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער דערפאָלג איז געווען אַ פאַריבערגייענדיקער און נישט־שטאַנדהאַפטיקער. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דער מאַנדאַטן־מעסטער פון מק"י האָט קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן דעם ציפער 6 — און זיך דערקייקלט ביי די פאַריקע וואַלן ביז 3.

און וואָס ווייטער?

נאָך אַ וואָך־צוויי וועט זיך אָנהויבן דער טראַדיציאָנעלער משא־ומתן וועגן אויפשטעלן אַ נייע רעגירונג. טריי איר וועג, וועט די געשלאָגענע (אָבער נישט באַזיגטע) מפא"י אוודאי אַרויפלייגן די מיסיע פון שאַפן דעם נייעם קאַבינעט אויף דוד בן־גוריון. און טריי זיין וועג, וועט דער קאַנדידאַט אויף פּרעמיער זיך ווענדן צו די רעליגיעזע און ליבעראַלע וועגן בילדן די רעגירונג. און אַז דאָרט וועט נישט גיין מיט אַלעמען — וועט מען פאָרן צו מאיר יערי קיין מרחביה און אפשר צו י. טאַבענקין קיין עין־חרוד (ווי דאָס איז געשען ביי די פאַריקע וואַלן) — און פאָרלייגן אַ געמיינזאַמע רעגירונג. די רוטין, דערפאַרונג און... ציניזם ביי דער הערשנדיקער פּאַרטיי איז גענוג גרויס, זי זאָל וועלן אָפּווייכן פון איר וועג. און אין דעם שטעקט די געפאַר. ווייל דער מוסר־השכל פאַר מפא"י נאָך די איצטיקע וואַלן דאַרף זיין — ענדערן איר וועג, באַזונדערס פון דער לעצטער צייט — די צייט פון "פּרשה'ס", אַראָפּזעצונגען און אַנטי־דעמאָקראַטישע האַנדלונגען.

(י"ש ת"א, 17.9.61)

## וואדי־ניסנאס און שכונת עזרא

זונטיק ערב סוכות האָט די ישראל־רעגירונג אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג אין שייכות מיט די אַראַבישע פּראָמיעסט־דעמאָנסטראַציעס אין חיפה, נצרת, עכו, שפרעם צוליבן דערשיסן פינף אַראַבישע יוגנטלעכע ביים פּרווון אַריבערגיין די גרענעץ; דעם זעלבן טאָג איז זיך צונויפגעקומען

אויף אן אויסעראָרדנטלעכער זיצונג דער תל־אביבער שטאָטראַט, כדי באַהאַנדלען די שטורמישע דעמאָנסטראַציע אין שכונת־התקווה אין שייכות מיטן צעלייגן דאָס אומגעזעצלעך געבויטע הויז פון דער משפּחה אברהמי אין שכונת עזרא. סיי די מיניסטאָרן, סיי די תל־אביבער שטאָט־טאַטעס האָבן געמוזט מוותר זיין פון זייער יומטוב־רו און רופן ספּעציעלע זיצונגען צוליבן כאַראַקטער און פאַרנעם פון די געשעענישן אין לאַנד און אינעם תל־אביבער ווױנקװאַרטאַל.

די שאָסן אין דער נאַכט־פינצטערניש צו דריי (און דערנאָך – צו צוויי) אַראַבישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געוואָלט אָנקומען אין עזה־ראַיאָן, און די פייער־צונגען, וואָס האָבן פאַרברענט די שטאָטישע ניי־אויפגעבויטע ביוראָ פאַר אינפאָרמאַציע־דינסט אין שכונת התקווה, האָבן מיטאַמאָל באַלויכטן צוויי ווינקלען פון אונדזער ווירקלעכקייט: די מזרח־עדה'ס און די אַראַבישע מינדערהייטן. בדרך־כלל פאַרנעמען די דאָזיקע צוויי פאַקטאָרן די הינטערשטע טרעפּ אינעם ישׂראלדיקן סאָציאַלן לייטער. נאָר אַ דאַנק די געשעענישן האָבן זיי מיטאַמאָל "פאַרכאַפּט" דעם אויבנאָן אין דער היגער און אויסלענדישער פּרעסע און ראַדיאָ. ערשט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז שוין נאָכן בר־מצווה־יאָר פון דער מדינה, ביי אַלע אירע קאָלאָסאַלע אויפטוען און דערגרייכונגען, זענען נאָך פאַראַן אומגעהויער אָנגעוויטיקטע פּראָבלעמען צום לייזן.

### איינער פון דרייצן טויזנט

ביי אַ 13 טויזנט אַקטן פון אומגעזעצלעך אויפגעבויטע הייזער האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער תל־אביבער שטאָט־פאַרוואַלטונג. און פון דער דאָזיקער צאָל האָט די בוי־אָפּטיילונג אויסגעקליבן די נייע הייזקע פון דער משפּחה אברהמי, וואָס ציילט 9 נפשות (אַריינגערעכנט אַן אַלטע מוטער, די שוואַנגערע פרוי און איין פאַראַליזירטע טאָכטער פון די זעקס קינדער). צוויי טעג נאָך יום־כיפור זענען געקומען באַאַמטע, וואָס האָבן אונטער פּאָליצייאישער שוץ אַדורכגעפירט די מלאכה פון צעשטערן. און לויטן אַלטן כלל "אַז מען האַקט האָלץ, פאַלן שפּענער" – איז ביים צעלייגן דאָס נייע הויז כמעט אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן דער אַלטער ווױן־באַראַק פון דער פאַמיליע (4x4 מעטער!) – און זיי זענען שוין אינגאַנצן געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ...

אין אָנבליק פון אַזאַ קאַטאַסטראָפע, האָט שוין עמעץ געזאָרגט, אַז אין שפּיץ פון דער פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע זאָל געטראָגן ווערן אַ שוואַרצע פאָן, אַז דערנאָך זאָלן עטלעכע טויזנט איינוווינער פון שכונת התקווה נישט נאָר דעמאָנסטרירן, נאָר אויך דעמאָלירן און אויטערצינדן, באַוואַרפן מיט שטיינער די פּאָליציי און ווילדעווען אין משך פון לאַנגע שעהן. ערשט ביינאַכט האָבן זיך איינגעשטילט די צעהיצטע געמיטער און נאָך דעם ווי די גיכע הילף האָט געמוזט זיך פאַרנעמען מיט 40 פאַרוווּנדעטע פּאָליציאַנטן און 20 דעמאָנסטראַנטן, האָט דער פרידנס־ריכטער באַדאַרפט אונטערשרייבן אַרעסט־באַפעלן פאַר אַ צוויי צענדליק יוגנטלעכע...

טראָץ דעם פּאָגראָם־כאַראַקטער פונעם אַרויסטריט אין שכונת עזרא און התקווה, און דערצו נאָך ביים פאַרטיידיקן אומגעזעצלעכע און ווילדע בויאונג אין דעם קוואַרטאַל, הגם ווי אַן אויסדרוק פון מיטלייד און סאָלידאַריטעט כלפּי דער געליטענער פאַמיליע – איז די סימפּאַטיע געווען אויף דער זייט פון דער משפּחה אברהמי און במילא געשאַפן מחילה־שטימונגען פאַר די וואָס האָבן זיך אָנגענומען איז זיין קריוודע, הגם אויף אַזאַ ברוטאַלן און אומגעצוימטן אופן. אויך די תל־אביבער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'איז געשען עפּעס אומגעוויינלעכס – און דערפאַר די ספּעציעלע זיצונג וואָס האָט געפונען פאַר נויטיק צו פאַראורטיילן די "טריפהנע" בויאונג און די ווילדע דעמאָנסטראַציע, אָבער גלייכצייטיק אַרויסגעוויזן גרייטקייט צו פאַרגיטיקן דער משפּחה אברהמי, צוריק איר אויפשטעלן דעם איינגעפאַלענעם באַראַק. און ווי ס'איז צו דרינגען פון פאַרעפנטלעכטן קאָמוניקאַט – וועט מען איצט טויזנט מאָל זיך איבערלייגן, איידער מ'וועט שיקן אין אַן אָרעמער שכונה צעשטערן הייזער, וואָס זענען געבויט אין קעגנזאַץ צו דער מאָדערנער אורבאַניסטיק.

### דער אויסנאַם וואָס באַשטעטיקט דעם כלל

מען קאָן טענהן, אַז שכונת התקווה מיט איר שכונת עזרא זענען אייגנטלעך אַן אויסנאַם, אַ שם־דבר. דאָרט איז כלומרשט קאָנצענטרירט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער אונטערוועלט, אין

יענע מקומות אַנטדעקט מען פליש פון אומלעגאַלער שחיטה, חאַשיש און קאָנטראַבאַנדע פון די אַראַבישע לענדער. וואָס־זשע איז דער וווּנדער אַזאַ דעמאָנסטראַציע און אַזאַ רעאַגירונג אויף אַ געזעצלעכער האַנדלונג מצד אָפיציעלע שטאָטישע אינסטאַנצן?

אוודאי איז פאַראַן פיל אמת אין דער דאָזיקער אָפשאַצונג. אָבער אַ האַלבער אמת איז אַמאָל שעדלעכער ווי אַ גאַנצער ליגן. ווייל שכונת־התקווה מיט איר עזרא שטעלן פאַר אַ טיפישן אָרעמקייטס־קוואַרטאַל פון אַ גרויסער שטאָט, מיט אירע "סלאַמס", אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען און יענע ספּעציפישע אַטמאָספער, וואָס באַגינסטיקט פאַרברעכערישקייט און כוליגאַניזם. און די ענגשאַפט – איז דאָך אומגעהויער. 25,000 נפשות זענען צונויפגעדרענגט אויף אַ שטח פון 600 דונאַם. און ווייל עס איז פאַראַן אַן אַלגעמיינער בוי־פלאַן פאַר דער דאָזיקער שכונה, האָט מען דערווייל "פאַרפרוירן" דאָרט די בוי־באַוועגונג אין די לעצטע אַכט יאָר· נישט געקוקט אויף דער "פאַרפרירונג", גייט דאָרט אָן אַ כסדרדיקע אומלעגאַלע בויאונג און שפעקולאַציע מיט באָדן (אין יאָר 1958 האָט איין פיפיקער שפעקולאַנט אויפגעשטעלט איבער נאַכט 40 באַראַקן און זיי צומאָרגנס פאַרקויפט צו 2 טויזנט ל"י אַ באַראַק. און אין דעם זעלבן יאָר זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן 860 פאַראָרדענונגען צו צעלייגן אומלעגאַלע בנינים). הונדערטער משפחות וווינען אָן דעם "כאַפ"־סיסטעם ביים צואייגענען זיך שטיקלעך באָדן און אויף שנעל דאָרט אַוועקשטעלן אַ דאַך (צי אַ דעכל) איבערן קאָפ.

און ווער זענען די איינוווינערס פון שכונת התקווה? כמעט אַלע – פון די מזרח־יידן, וועלכע האָבן אין דעם ענגן קוואַרטאַל שטרענג אָפגעהיטן די סעגרעגאַציע לויט די אָפשטאַם־לענדער. אַזוי צ.ב. האָבן די פערסישע יידן פאַרנומען שכונת עזרא, די עיראַקער – דעם ראַיאָן אַרום דעם צענטראַלן מאַרק, די סיריער – די הויפט־גאַס, די תימנער – נעבן הויז פון דער הסתדרות, די טערקישע און גריכישע יידן – צוויי אַנדערע גאַסן. אַן אמתדיקער קיבוץ הגלויות, אָבער הימל־ווייט פון מיזוג־הגלויות. 80 שולן און "שטיבלעך" העלפן פלעגן די דאָזיקע סעגרעגאַציע פון ישראַלדיקע שבטים אין איין קוואַרטאַל! און די צוויי הויפט־פאַרטייען אין שכונת־התקווה – "חירות" און מפא"י – פיהן זייער צופאַסונג־פּאָליטיק, אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיקער ווירקלעכקייט.

איז טאַקע שכונת התקווה אַן אויסנאַם? ניין! זי באַשטעטיקט בלויז אַ כלל וואָס האָט זיך פאַרוואָרצלט אין דער מדינה: אָפגעזונדערטע שבטים, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע צוריקגעשטאַנענקייט אין פאַרגלייך מיט די אייראָפעישע יידן. אדרבה, באַקענט זיך מיט עטלעכע ציפערן פון זייער באַגלויבטע און אָפיציעלע מקורות:

בעת אין יאָר 1951 האָט דער פאַרדינסט פון אַ משפחה פון די מזרח־עדה'ס באַטראָפן כלפי אַ מערבדיקער משפחה 80%, איז ער אין די יאָרן 1956/57 דערגאַנגען ביז 73% און אין די יאָרן 1959/60 – געפאַלן ביז 68%. (די דורכשניט־הכנסה פון געבוירענע אין אַזיע און אַפריקע באַטרעפט 1937 ל"י אַ יאָר, אַנטקעגן 3,094 ל"י פון געבוירענע אין אייראָפע צי אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער). אַן ענלעכע דערשיינונג זעט זיך אויך אויפן געביט פון בילדונג: ווי באַוווּסט, זענען היינט די ספרדישע און מזרח־יידן ביי אַן 51% פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד, אָבער זייער צאָל סטודענטן אין חיפהער טעכניקום באַטרעפט בלויז 4.5%; אין ירושלימער אוניווערסיטעט – 5.2%; אין די מיטלשולן – 22%, אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע און פאַך־שולן – 48% און אין די העכערע קלאַסן פאָלקסשול – בלויז 41%!

דער תהום צווישן די צוויי טיילן באַפעלקערונג אויפן עקאָנאָמישן און קולטורעלן געביט, שפיגלט געטרײַ אָפ דעם תהום צווישן שכונת עזרא און איינעם פון די קוואַרטאַלן אין צפון תל־אביב. און כל־זמן עס וועלן זיך געפונען אין דער מדינה אַזעלכע אָרעמקייט־קוואַרטאַלן מיט אַזאַ סאָרט איינוווינער, אַנטקעגן שיין־געפלעגטע גאַסן און יחסנישע בירגער – איז אומלעגאַלע בויאונג און ווילדע דעמאָנסטראַציעס ממש אַן אומפאַרמיידלעכקייט. אויך דאָס דאַרף מען לערנען פון די געשעענישן אין שכונת עזרא.

## אייגנאַרטיקע גרענעץ־שמוגלערס

ערשט נישט לאַנג האָט וואַדי ניסנאַס, דער אַראַבישער ווױן־קוואַרטאַל אין חיפה, באַגלייט צו אייביקער רו דריי פון זיינע יינגע איינוווינערס, וואָס זענען דורך די ישראלדיקע זיכערהייט־כוחות דערשאָסן געוואָרן, ווען זיי האָבן פּרובירט אומלעגאַל אַריבערגיין די גרענעץ. דער טויט פון די דאָזיקע גרענעץ־שמוגלערס (און שפּעטערדיקער ענלעכער פאַל, מיט צוויי אַנדערע איבערלויפערס אויף דעם זעלבן פּלאַץ) און די אַנטי־ישראלדיקע דעמאָנסטראַציעס אין לאַנד, האָבן דער בירגערלעכער און מפא״ישער פּרעסע פון איין זייט געגעבן אַ געלעגנהייט פאָרצושטעלן די גאַנצע אַראַבישע מינדערהייט ווי אַ פּאָטענציעלע ״פינפטע קאָלאָנע״ און די יוגנטלעכע גרענעץ־שמוגלערס – רק זיי לויפן זיך אָנדינגען צום מצרישן שפּיאָנאַזאַש־דינסט כדי שעדיקן דער יידישער מדינה. און פון דער צווייטער זייט האָט פאַר מק״י זיך אונטערגערוקט ממש אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט אַ רייט צו געבן אויפן פערדל פון עקסטרעמען אַראַבישן נאַציאָנאַליזם און פון לאַנג־קולטיווירטן אַנטי־ציוניזם. ביידע האָבן זיך געמאַכט פאַרגעסן די אמתע לאַגע פון די אַראַבער אין ישראל און די אומשטענדן ביי וועלכער עס ווערן מעגלעך גרענעץ־שמוגל און אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס.

און דער אמת איז דער, ווי עס האָט ריכטיק געשריבן דער ״ניו־יאָרק טיימס״ אין שייכות מיט די לעצטע געשעענישן, אַז 180 טויזנט ישראלדיקע אַראַבער פון די 240 טויזנט וואָס לעבן אין ישראל, געפונען זיך אונטער דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג. דאָס מיינט: באַגרענעצטע באַוועגונג־פרייהייט; שוועריקייטן ביים באַקומען אַרבעט; לעבן מיטן געפיל פון בירגער פון דער צווייטער מדרגה; זיין אָפּגעשלאָסן אין ווױן־ראַיאָנען; געפלעגט איזאָלאַציע און סעפּעראַציע צווישן ביידע פעלקער; שטיפמוטערישע און אָפּטמאָל ווילקירלעכע באַהאַנדלונגען פון אַ גרויסן שבט, וואָס האָט פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה געבילדעט דאָ אַ רוב און איז אין מדינת ישראל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מינדערהייט.

אוודאי איז בייזוויליק און לעכערלעך די טענה פון מק״י, אַז די אַראַבער אין ישראל געשען לויטערע עוולות. אַפילו אָביעקטיווע אויסלענדישע אָבסערוואַטאָרן זענען מודה, אַז עקאָנאָמיש און קולטורעל לעבט זיך די היגע אַראַבער פיל בעסער ווי זייערע ברידער אויף יענער זייט גרענעץ. 38,000 אַראַבישע שילער אין 260 פאָלקסשולן, גימנאַזיעס און קינדערגערטנער באַקומען בילדונג פון זייערע 1,200 לערערס. 30 טויזנט אַראַבער זענען באַשעפטיקט בלויז אין ראַיאָן פון תל־אביב; אַז ביי אַ 100 סטודענטן לערנען אין העברעישן אוניווערסיטעט; אַז אין רוב אַראַבישע דערפער האָט מען אויפגעבויט מאָדערנע אַמבולאַטאָריומס, געפלאַסטערט שאָסייען, צוגעצויגן עלעקטרישע ליכט און אַז זייער לעבנס־ניוואָ האַלט אין איין שטייגן, וואָס איז עלול קאַטעגאָריש אָפּצולייקענען די נאַצעריסטישע און מיקוניסטישע גרויל־פּראָפּאַגאַנדע וועגן דער לאַגע פון דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד. און פונקט ווי מק״י בלאָזט פונאַנדער די נעגאַטיווע דערשיינונגען בנוגע דער אַראַבישער מינדערהייט, אַזוי מאַכט זי זיך פאַרגעסן אין די ערנסטע און אָנגעווייטיקסטע זיכערהייטלעכע פּראָבלעמען פון דער מדינה און וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אויף אונדזערע גרענעצן.

פאַר דער לעצטער צייט זענען פּאַרצייכנט געוואָרן 50 ישראלדיקע פאַרלוסטן (דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע) ביי דער עזה־גרענעץ – אַנטקעגן 60 אַראַבישע אבידות. אַז זינט דער סיני־אַקציע, האָבן 700 אַראַבישע יוגנטלעכע פון ישראל פּרובירט אַריבערגיין די גרענעץ. אַז בעת אין יאָר 1960 איז 10% פונעם אַראַבישן גרענעץ־שמוגל אויסגעפאַלן אויף שפּיאָנאַזש, איז דער דאָזיקער פּראָצענט אין יאָר 1961 געשטיגן ביז 30%. אַז בלויז אין לעצטן יאָר זענען פאָרגעקומען 140 פאַלן פון אַריבערלויפן די גרענעצן צו די שכנים און אַז די ישראלדיקע זיכערהייט־כוחות מוזן שענקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט און מי, כדי פאַרמיידן אין די דאָזיקע ראַיאָנען קעגנזייטיקע אַריינדרינגלעריי – צי לשם מאָרד, רויב און גניבה, צי לשם שפּיאָנאַזש און דיווערסיע.

נישט אַלע איבערלויפערס געלונגט צו פאַרהאַלטן (בסך הכל 20 זענען לעצטנס געכאַפּט געוואָרן) און נישט אַלעמען טרעפט דער גורל פון די דריי יוגנטלעכע פון וואַדי ניסנאַס. אָבער אין

קיין שום לאַנד אין דער וועלט פּאָדערט זיך נישט אַזאַ וואַכזאַמקייט און אָפּגעהיטנקייט אַרום די גרענעצן, ווי מיט אונדזערע מצרישע, ירדנער, סירישע און לבנונער שכנים. אוודאי זענען נישט אַלע 700 געלאָפֿן זיך אָנדינגען אין אַראַבישן "אינטעלידזשענס". אָן שום ספק, אַז ריזיקע טיילן פון זיי האָבן אוודאי געהאַט זייערע נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע און משפחותדיקע סיבות צו ריזיקירן מיט שמוגלען די גרענעץ. (אגב אויך יידישע יוגנטלעכע און עלטערע האָבן נישט איינמאָל, אין פאַרצווייפלונג און פאַרביטערונג, זיך געלאָזט אויף יענער זייט). אָבער אויפבויען צוליב דעם גאַנצע טעאָריעס וועגן אַ "פינפטע קאָלאָנע" און "פּאָטענציעלע שונאים" איז נישט נאָר שאָוויניסטיש, נאָר אויך שעדלעך און אומיושרדיק.

## נאַציאָנאַליסטישע העצע און פּאָגראָם־שטימונגען

די געשעענישן האָבן זיך אָנגעהויבן מיטן אַרויסגעבן די דריי טויטע קערפּערס דער משפּחה אין וואַדי ניסנאַס. און אויב די רעגירונג האָט פאַרשפּעטיקט מיטן אָפּלייקענען די קלאַנגען וועגן כלומרשטע פייניקונגען פון די קרבנות, לייגט זיך אויפן שכל, אַז דערשיטערטע משפּחות מיט זייערע שכנים און פריינד זאָלן אין אָנבליק פון דריי הרוגים אַרויס פון די כלים, פּאָדערן דעמאָנסטראַטיוו אויסצוגראָבן אַ ברידער־קבר (הגם די דערשאָסענע האָבן נישט געהערט צו איין רעליגיע) און אַפילו – דעמאָנסטרירן. ס'איז די לעגיטימע רעכט פון יעדן בירגער אין ישראל צו דעמאָנסטרירן, ווען ער פילט אַז ס'איז געשען אַן אומרעכט צי אַ פאַרברעכן. פאַראַן ביי אונדז יידן, וואָס זענען גרייט באַרעכטיקן אַ דעמאָנסטראַציע ווי די וואָס איז געווען אין שכונת עזרא און פערזענלעך שעלטן אשכולן צי אַפילו די גאַנצע מדינה, הלמאי ער דאַרף צאָלן אַ סך שטייערן. נאָר אויב אַראַבער דעמאָנסטרירן—דאַרף מען כלפּי זיי אַרויסווייזן אַ שטאַרקע האַנט, זיי דאַרפן וויסן זייער פּלאַץ אין יידישן לאַנד. אַזוי האָט די נאַציאָנאַליסטישע העצע פון מק"י און אַראַבישע עקסטרעמיסטן אַריינגעשפּילט ווידער אין די הענט פון יידישע שאָוויניסטן, וועלכע זענען באַהערשט געוואָרן פון אַ פּאָגראָם־שטימונג. דאָס וואָס איז דערנאָך פאָרגעקומען אין עכו האָט באַוויזן, אַז אויך יידישע יוגנט לאָזט זיך לייכט אונטערהעצן און פאַרפירן און זענען גרייט מאַרשירן אין דער אַלטשטאָט צו "מאַכן אַ ביסל פריילעך" ביי די אַראַבער און זיי אָנלערנען. און אַז מיר וועלן נאָך דערצו צוגעבן די אָנצוגעהערענישן פון אַ ריי צייטונגען, אַז אויך די מיליטערישע פאַרוואַלטונג איז אין אַ געוויסער מאָס געווען פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע געשעענישן - וועט זיך באַקומען אַ זייער טרויעריק, הגם קלאָר בילד וועגן די כוונות, באָדן און אַטמאָספער ווו עס האָבן געקאָנט אַרויסשפּראָצן אַזעלכע געשעענישן אין באַדייטנדיקע טיילן פון לאַנד.

## אזא איז דער אמת

צי מען וויל יאָ, צי מען וויל נישט, שמוגלען אַראַבישע יוגנטלעכע די גרענעצן צו אונדזערע שכנים. אַ טייל טוט עס צוליב אַוואַנטוריסטישע צוועקן, צוליב שפּיאָנאַזש, צוליב נאַציאָנאַלע שטרעבונגען צו לעבן אין דער סביבה פון אייגענעם פאָלק. אַ טייל טוט עס אָבער אויך לשם פרנסה, לשם פאַראייניקן זיך מיט דער צעריסענער משפּחה אָדער גאָר - ווייל זיי ווילן אַנטלויפן פון זייער צעקריגטער פאַמיליע אין ישראל. פאַרשידנאַרטיק זענען די סיבות און אומשטענדן פון אַזעלכע איבערלויפן צו די שכנים. און פונקט ווי אונדערע זעלנער און גרענעץ־פּאָליציי דאַרפן בייטאָג און ביינאַכט שטיין אויף דער וואַך און רעאַגירן, ווי אַלע אָן אויסנאַם באַוואָפנטע כוחות אין דער וועלט רעאַגירן ביים גנבענען די גרענעץ, אַזוי קאָנען אויך זיין פאַלן פון פשוטן אַרעסט און פון אויסמיידן דאָס אָנקומען צו דער ביקס. מען דאַרף נישט אַריינפאַלן אין גרימצאָרן און היסטעריע, ווי דאָס טוט מפּא"י פון איין זייט און מק"י – פון דער צווייטער זייט.

אַן ענלעכער עקסטרעמער צוגאַנג האָט זיך איבערגעחזרט אַרום דעם אויפרוף וואָס די לאָקאַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון מפּ"ם האָט אַרויסגעלאָזט אין נצרת נאָך צוויי טעג פון שטורמישע דעמאָנסטראַציעס און שפּאַנונג אין שטאָט. עס איז גענוג געווען אַ צוויי אויסדריקן צי פאָרמולירונגען אינעם אויפרוף, וואָס זאָלן קאָנען שלעכט געטייטשט ווערן – און שוין האָט מען

פון געוויסע זייטן אָנגעהויבן צו העצן און אינסינואירן קעגן מפ״ם. וועלן מיר דאָסמאָל נעמען פאַר אַן עדות דעם ״דבר״, וועלכער האָט געשריבן:

״זאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די מפ״ם־אַקטיוויסטן האָבן אין רוב ערטער נישט געהאַט קיין חלק אין די דעמאָנסטראַציעס און פּרעוואָקאַציעס און מער פון איינמאָל זענען זיי געווען אַ פאַקטאָר וואָס האָבן געצוימט די עקסטרעמיסטישע עלעמענטן״.

**נאָר פּאָזיטיווע לייזונגען!**

די לעצטע געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט זייער אָנהייב אין וואַדי ניסנאַס – זענען פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט. נישט היסטעריע און שנאה וועט דאָ העלפן, נאָר אַ קאָנסטרוקטיווער און ערלעכער צוגאַנג. בעת מק״י האָט אין אירע אויפרופן און געוואָרפענע לאָזונגען געשריען ״נידער מיט דער רעגירונג פון די מערדער״ און נישט געווען אַ שותף צו די מיינונגען פון אַלע פּאַרטייען אין ישוב, אַז מיר, ביי אונדזער לאַגע, דאַרפן אויך טראַכטן וועגן זיכערקייט און וועגן פּאַרמאַכטע גרענעצן – האָט גראָד דער קאָמיטעט פון די אַראַבישע סטודענטן אין ירושלים געפונען פאַר נויטיק פעסטצושטעלן אין זיין אויפרוף:

״... מיר ווילן אויך זען אין דעם אומגליק נישט אַ געוויינלעכן גרענעץ־אינצידענט, נאָר אַ פּראָבלעם: פאַרוואָס ריזיקירן יונגעלייט זייערע לעבנס מיטן אַנטלויפן פון זייער היימלאַנד און פון זייערע משפחות.״

אויף דער פראַגן מוז געגעבן ווערן אַן ענטפער נישט נוסח מפא״י (מיליטערישע פּאַרוואַלטונג) און נישט נוסח מק״י (די אַראַבער זענען שטענדיק גערעכט, די ציוניסטישע רעגירונג זענען רוצחים) – נאָר אויפן וועג פון ראַדיקאַלע שריט און ענדערונגען כלפּי דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד:

אָפּשאַפן די מיליטערישע פאַרוואַלטונג, געבן זיי דאָס געפיל פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג, באַזאָרגן די יוגנט און באַזונדערס די אינטעליגענץ פון זיי מיט אַנטשפּרעכנדיקע מלוכהשע און קאָמונאַלע פּאָסטנס, פלעגן אמתע ישראל־אַראַבישע פריינדשאַפט, וואָס וועט פאַרוואַרפן אַ בריק פון פאַרשטענדיקונג און שלום מיט שכנים. זאָל מען נישט אונדז פאָרוואַרפן, אַז אַ פאָלק, וואָס האָט אַליין געליטן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, האָט ביי זיך אין לאַנד אַוועקגעשטעלט איר נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין אַ לאַגע, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען אין פּוילן.

וואַדי ניסנאַס און שכונת עזרא האָבן געמאַכט דעם אַרויסרוף – און דער פּאָזיטיווער ענטפער מוז קומען!

(י״ש ת״א, 5.11.61)

# שטייערן און אָבליגאַטאָרישע הלוואות

**אין דער זעלבער וואָך וואָס די כנסת האָט באַשלאָסן וועגן אן אָבליגאַטאָרישער הלוואה צו העלפן אויפנעמען און איינאָרדענען די נייע עולים (מילווה הקליטה), איז דאָס לאַנד ווידער אויפגערודערט געוואָרן מיט־דער שטייערן־אַפערע פון די קאַרטעליזירטע פאַבריקן פון אייז־קרעם ״ארטיק־קרטיב״. לויט פּאָליציייאישע השערות (די אויספאָרשונג איז נאָך נישט פאַרענדיקט געוואָרן), האָבן די אייגנטימערס אויסבאהאלטן אין משך פון 4 יאָר די סומע פון בערך 5 מיליאָן ל״י, פאַר וועלכע מ׳האָט באַדאַרפט צאָלן איינקונפט־שטייער. דער מלוכה־אוצר, און באַזאַמען מיט אים – וויכטיקע פּאָזיציעס אין בחזשעט, האָבן געליטן פון אומערלעכע שטייער־צאָלערס, פאַר וועמען די ריזיקע פאַרדינסטן זענען נאָך אַלץ צו ווייניק – און זוכן פרישע מקורות צו פאַרגרעסערן דעם אַזוי אויך גרויסן קאַפּיטאַל זייערן.**

**ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט זעלטן ווען אַ פּאָליציי־אָפיציר אַזוי טרעפלעך באַצייכנט אַ לאַגע, וואָס שפּיגלט טריי אָפּ אונדזער ישראלדיקעווירקלעכקייט. שטייענדיק פאַרן געריכט, כדי אַרויסצובאַקומען אַרעסט־באַפעלן קעגן פיר פאַרדעכטיקטע, האָט פקד גאָלדמאַן געזאָגט: ״אויב**

עס זענען דאָ נאָך 20 אַזעלכע אונטערנעמונגען ווי "אַרטיק" וואָס נאַרן אָפּ דעם שטייער־אַמט ווי די פּאָליציי פאַרדעכטיקט, וואָלט מען געקענט איינשפּאָרן די מילווה הקליטה, ווען זיי וואָלטן ריכטיק אָנגעגעבן זייערע הכנסות..."

די צרה איז דאָך אָבער די, וואָס סיי "אַרטיק־קרטיב", סיי ענלעכע אונטערנעמונגען, האָבן קיינמאָל נישט דערציילט דעם אמת פון זייערע רווחים, האָבן קיינמאָל נישט געצאָלט דעם ריכטיקן שטייער און אפילו דאָס וואָס זיי דאַרפן שוין יאָ אַריינטראָגן אין דער מלוכה־קאַסע, ווערט דאָס געטאָן מיט אַ יאָר צוויי יאָרן שפּעטער, אויף גינסטיקע באַדינגונגען. און אַז עס זאַמלט זיך אָן אַ גרויסער חוב – זעצט מען זיך אַוועק ביים טיש "אויסגלייכן". און קיינמאָל זענען די דאָזיקע גבירים נישט באַוואוסט געוואָרן דורך אונדזערע שטייער־אַמטן...

ווי געזאָגט, איז "אַרטיק־קרטיב" נישט קיין אויסנאַם. ערשט אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן מיר געהערט וועגן ריזיקע שטייערן־אָפּערעס פונעם רמת־גנער בוי־אונטערנעמער סבירסקי, פון דער פתח־תקווהער פאַבריק "עץ הזית", פון דער אונטערנעמונג "עולמית", פון אַדוואָקאַט פּאָזנאַנסקי און אַנדערע. אמת, די אַלע זענען באַשטראָפט געוואָרן דורכן געריכט און מן־הסתמא וועלן זיי און זייערס גלייכן אויף להבא זיין פאָרזיכטיק מיטן אָנגעבן פאַלשע דעקלאַראַציעס וועגן די איינקונפטן. דאָס אומגליק באַשטייט אָבער אין דעם פעלערהאַפטן רעזשים פון איינמאָנען דעם מס־הכנסה, דער איבערטריבענער צוטרוי צו די גרויסע פאַבריקאַנטן און דער לאַנגטערמיניקער קרעדיט.

אויך "אַרטיק־קרטיב" האָט באַקומען גרויסע געלט־סומען פון דער רעגירונג ביים אויפשטעלן זייערע פאַבריקן. אַנשטאָט טרייבן קאָנקורענץ, האָבן זיי זיך פאַראייניקט אין אַ קאַרטעל און אויפגעבויט נאָך עטלעכע אונטערנעמונגען און אַן אייז־פאַבריק אין פאַרשידענע ערטער אין לאַנד. יידן פון אַמעריקע, בעלגיע, שווייץ און ישראל האָבן זיך געכאַפּט, אַז אין אַזאַ לאַנד ווי ישראל, מיט איר סוב־טראָפּישן קלימאַט, זענען אייזלעקערס אַ גלענצנד אַרטיקל צו מאַכן רווחים. אונדזערע קינדער האָבן טאַקע הנאה געהאַט פון לעקן דעם קאַלטן קרעם – אָבער די אייגנטימער פון "אַרטיק־קרטיב" האָבן דערווייל אָפּגעלעקט אַ פעט ביינדל... נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זענען צוויי פון אירע אייגנטימערס באַשולדיקט געוואָרן אין אַרויסשמוגלען וואַלוטע קיין אויסלאַנד. אויך איצט האָט מען אין די געהיימע ביכער געפונען פאַרצייכנט אַ סומע פון 31 טויזנט שווייצאַרישע פראַנק... אַנשטאָט אינוועסטירן די פאַרדינסטן אין ישראלדיקע אונטערנעמונגען, שאַפן נאָך אַרבעטס־פּלעצער – האָט מען געגנבעט דאָס געלט קיין אויסלאַנד.

דערווייל געהערן די אַרעסטירטע און פאַרהאַלטענע צו דער קאַטעגאָריע "סוב יודיצא". לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג אונדזער געריכט, וואָס וועט וויסן צו באַשטראָפן די וואָס דרייען זיך אַרויס פון צאָלן דעם ריכטיקן שטייער. נאָר אַזוי ווי עמעץ מוז דאָך צאָלן שטייערן, איז דער עמעץ – דער אַרבעטער!

מען דערציילט, אַז אַן אַרבעטער האָט אַמאָל אַהיימגעבראַכט זיין חודש געהאַלט און דערנאָך מיט גרויס איבעראַשונג פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט באַקומען מער ווי שטענדיק. איז ער אַוועק אין בוכהאַלטעריע פון פאַבריק און דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ׳האָט אים גאָר אויסגעצאָלט די סומע וואָס מ׳האָט אים באַדאַרפט אַראָפּרעכענען – און נישט די וועלכער ר׳האָט באַדאַרפט באַקומען. איז אַוודאי אין דעם וויץ פאַראַן אַביסל גוזמא, עס איז אָבער אַ באַוווּסטע זאַך, אַז פון 30 ביז 40 פּראָצענט פון אַרבעטער־לוין אין ישראל "גייט אַוועק" אויף פאַרשידענע שטייערן, באַשטייערונגען און... חובות. אָט ליגט פאַר מיר דאָס לאַנגע צעטל, וווּ ס׳איז אויסגערעכנט דער חודש־פאַרדינסט און די פאַרשידענע אַראָפּרעכנונגען (די אַג. "לאָקש"). עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פונעם ברוטאָ־לוין וואָס באַטרעפט 608 ל"י, איז "אַראָפּגעגאַנגען" העכער 228 ל"י. ווי אַזוי? הכנסה־שטייער – 85 ל"י, נאַציאָנאַלע פאַרזיכערונג – איבער 7 ל"י, קראַנקן־קאַסע און הסתדרות – 18 און אַ האַלבן ל"י, קעגנזייטיקע הילפסקאַסע – איבער 20 ל"י, פאַרשידענע באַשטייערונגען – 25 ל"י. און דערנאָך – חובות, וועלכע מען דאַרף צאָלן און דער הייך פון אַ 50

ל״י. (איצט שטעלט זיך פאָר די לאגע פון אן ארבעטער, וועמענס ברוטאָ־פארדינסט באטרעפט בלויז 300 ל״י א חודש...)

דאָס וואָס דער ארבעטער באקומט ״אויף דער האנט״ — איז דער נעטאָ־לוין, נאָכן אראָפּנעמען אלץ. אָבער דער פאבריקאנט האָט א רעכט צו דיספּאָנירן מיט די געלטער פון שטייערן און זיי אריינטראָגן אין פיל שפּעטערע טערמינען.

ביי אזא פּאָליטיק איז קלאָר, אז פארן ארבעטער זענען במילא פארמאכט אלע וועגן פון נארן, צי באשווינדלען. זיין מאָגערער לוין איז אויסגעשטעלט אויף פארשידנארטיקע שותפים, וואָס אלע צוזאמען פארקלענערן זיי אויף א מוראדיקן אופן די רעאלע הכנסה זיינע. און הגם דעם ארבעטערס אנטייל אינעם הכנסה־שטייער איז א רעגולערער און ערלעכער און האלט אין איין שטייגן, איז ער פאָרט נישט מסוגל צו דעקן אלע אויסגאבן אין וועלכע די מדינה נייטיקט זיך. וואָלטן די א.ג. זעלבשטענדיקע, די פאבריקאנטן און הורט־סוחרים געצאָלט ערלעך און צו דער צייט די שטייערן, וואָלט מען נישט באדארפט אָנקומען צו אבליגאטארישע הלוואות, און עס וואָלט געוועזן געלט צו קויפן נאָך עטלעכע וואסער־רערן, נאָך בוי־מאטעריאלן, אויפבויען נאָך שולן, נאָך אביסל טאנקען און עראָפּלאנען, אפשר דערגיין צו אומזיסטיקער מיטעלער בילדונג. אָבער יענע יידן צאָלן נישט, אָדער גאָר ווינציק, אלנפאלס, אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו זייערע אמתדיקע פארדינסטן. דאקעגן וועט אין די נאָענסטע זעקס חדשים יעדער לוין־ארבעטער דארפן צאָלן נאָך 12 פּראָצענט פונעם הכנסה־שטייער פאר דער מילווה הקליטה. ווי באוווסט, אז די דאָזיקע הלוואה דערוואַרט מען באשטימט געוואָרן אויף 25 מיליאָן ל״י. אשכול האָט דערקלערט, אז ער נייטיקט זיך אין נאָך 60 מיליאָן אויף אנטקעגנצוקומען די ערשטע באדערפענישן פון דער איצטיקער עליה. פרייען מיר זיך טאקע וואָס עס גייט אן עליה אין לאנד, אָבער די דאָזיקע פרייד איז נישט קיין פולע, אויב די עיקר לאסט זי אויפצונעמען וועט פאלן אויף די אזוי אויך שוין אויסגעהאָרעוועטע פּלייצעס פונעם ארבעטער, בעת פאבריקאנטן פון דעם שניט ״ארטיק־קרטיב״ וועלן ווייטער נארן, אויסבאהאלטן, אָפּשלעפּן מיטן צאָלן און זיין אלץ די געצערטלטע קינדער פון די מיניסטעריומס.

*

ערשט די טעג האָט ״ארטיק־קרטיב״ צוגעזאָגט צו פארטיילן טויזנט און איין פּרעמיע פאר די וואָס וועלן איר אריינשיקן פינף איינפּאקונגען פון זייער קרעם־סענדוויטש. די דאָזיקע מעלדונג האָבן זיי פארזען מיט א לאָזונג ״ארטיק חייך ימתיק״ (״ארטיק וועט דיין לעבן זיסער מאכן״). גלויבן מיר, אז אזא סענדוויטש לאָזט איבער א באשטימטע זיסקייט — אָבער מיר קאָנען זיך נישט באפרייען פונעם ביטערן טעם צוליב דער שטייערן־אפּערע פון די ״קרטיב״־אייגנטימער און פון דער שטייערן־פּאָליטיק פון אונדזער פינאנס־מיניסטעריום.

(י״ש ת״א, 22.6.61)

# יובל און — יקרות

די טעג האָט אין חיפה זיך אָנגעהויבן די זיבעטע לאנד־קאָנפערענץ פון דער קופּת־חולים — די פּרעכטיקע אינסטיטוציע פון דער ישראלדיקער ארבעטערשאפט, וואָס איז איצט אלט געוואָרן 50 יאָר. די 350 דעלעגאטן צו דער יובל־קאָנפערענץ קענען מיט שטאָלץ קוקן אויף דער אזוי רייכער פארגאנגענהייט, מיט אירע ווונדערלעכע אויפטוען אויפן געביט פון געזונטהייט און גלייכצייטיק זיין באזאָרגט מיט דער צוקונפט פון דער ישראלדיקער קראנקן־קאסע. גראָד אין די דאָזיקע יובל־טעג, איז בולטער געקומען צום אויסדרוק דער פּיפער קריזיס וועלכן ס׳לעבט איצט אדורך די קופּת־חולים. אויך דאָ, אויפן אלטן יידישן שטייגער, איז די שמחה אויסגעמישט מיט א טרער — נישט נאר פון די הונדערטער דעלעגאטן, נאר אויך פון די הונדערטער טויזנטער מיטגלידער אירע, וועמענס חודשלעכער אָפּצאָל דערהאלט זי ביים לעבן.

בדרך כלל איז אָנגענומען, אַז באַמבאַסטישע רעדעס און גאַלאַ־זיצונגען אויף אַ יובל־קאָנפערענץ, זענען אויסן צו פאַרשטעלן די גרויסע לעכער אין בודזשעט און פאַרהוילן דעם אינערלעכן קריזיס. דאָסמאָל אָבער האָט פון דער חיפהער טריבונע זיך געהערט דער אַלאַרם־געשריי פון אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַר די לעצטע 50 יאָר פאַרשריבן אזא הערלעכן בלאט געשיכטע אינעם לעבן פון היגן ישוב און שטייט איצט פאַר אומגעהויער שווערע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען.

## די קראַנקע קראַנקן־קאַסע...

גענוי מיט 50 יאָר צוריק האָבן יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל באַשלאָסן צו גרינדן אין פּתח־תקווה אַן ארבעטער־קאַסע פאַר קעגנזייטיקער הילף און פארזיכערונג אין פאַל פון קראַנקייטן. היינט נעמט ארום די דאָזיקע "קאַסע" העכער 2/3 פון דער ישראל־באַפעלקערונג, וועלכע געניסט פון פולער אַמבולאטאָרישער הילף מצד דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן, פון מעדיקאַמענטן, רענטגען־דורכלויכטונגען, פּראָפילאַקטישע מעדיצין, האָספּיטאַליזאציע, זאָרג פאַר דער מוטער און קינד. די קופּת־חולים איז באַזונדערס נאָענט צום האַרצן יעדן נייעם עולה, וואָס זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, האָט ער זיך גלייך אָנגעשטויסן אויף דער דאָזיקער אינסטיטוציע און מיט אַ ברייטער האַנט געגאָסן פון אַלע אירע באַדינונגען און איינריכטונגען (אויף וויפל ער האָט זיך אין זיי געגויטיקט), אָן וועלכן ס'איז אָפּצאָל, אין משך פון די ערשטע דריי חדשים. (פון די 925,864 עולים וואָס זענען געקומען אין לאַנד אין די יאָרן 1948 — 1958, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קופּת־חולים 865,850 נפשות — 93.5 פּראָצענט!). עס איז זיך גאָרנישט פאָרצושטעלן מדינת ישראל, מיט אירע גרויסע אויפטוען אויפן געביט פון געזונטהייט־וועזן — אָן דער קופּת־חולים.

ערב דער יובל־קאָנפערענץ איז דערציילט געוואָרן, אַז אין משך פון איין יאָר ווערן אַדורכגעפירט 11 מיליאָן באַזוכן ביי די דאָקטוירים פון קופּת־חולים. בלויז אין איין טאָג ווערן הונדערט טויזנט ישראל־בירגער באַדינט דורך דער הסתדרותישער קראַנקן־קאַסע. אין לעצטן יאָר האָט מען די קראַנקע מיטגלידער אויסגעשריבן 21 מיליאָן רעצעפּטן.

ביי טויזנט אַמבולאַטאָריעס אין שטאָט, אין דאָרף, קיבוץ און מושב, שטייען צום דינסט פון די קופּת־חולים מיטגלידער. אַ דאַנק דער אַלזייטיקער, אַלגעמיינער און מאָדערנער מעדיצינישער הילף, איז געלונגען כמעט אויסצוּוואָרצלען, אָדער רעדוצירן אַזעלכע סאָציאַלע קראַנקייטן, ווי טובערקולאָז (פון אַ שטערבלעכקייט פון 6.7 אויף טויזנט נפשות אין יאָר 1948 — ביז אַ שטערבלעכקייט פון 5.9 אין יאָר 1958); פונקט ווי די צאָל טויטפאַלן פון ניי־געבוירענע קינדער איז פון 57.7 אין יאָר 1949 געפאַלן אויף 31 אין יאָר 1958.

דאָס זענען אויפטוען וואָס דאַרפן דערמאָנט ווערן נישט נאָר אמאָל אין אַ יובל, נאָר אין אַלע טעג פון יאָר. אין אַן אַטמאָספער פון נעגירן און קריטיקירן אַרבעטער־אויפטוען, אין אַ תקופה פון וועלן זיך אָפּטרייסלען פון אַרבעטער־ווערטן און אין סאַמע הויך־סעזאָן פון עטאַטיסטישע לאָזונגען צו פאַרמלוכהשן די קופּת־חולים און אַוועקנעמען פונעם אַרבעטער זיינע אינסטיטוציעס — איז נייטיק כסדר צו דערמאָנען די אַלערליי ליקווידאַטאָרן, ווי אַזוי וואָלטן מיר אויסגעזען אָן דער קופּת־חולים אין די לעצטע 50 יאָר פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, און באַזונדערס — אין די ערשטע 13 יאָר פון דער זעלבשטענדיקער מדינה.

טאַקע צוליב די דאָזיקע פונקציעס צו דערהאַלטן אַ געזונטן ישוב, וואָס ביי נאָרמאַלע פעלקער און לענדער געהערן זיי אויסשליסלעך צו דער מלוכה, איז אויך אויסגעוואַקסן דער דעפיציט פון דער קופּת־חולים צו אַזעלכע מאַסשטאַבן (12 מיליאָן ל"י!). עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קראַנקן־קאַסע וואָס האָט געזונט־געמאַכט אַזויפיל מענטשן — איז נישט פעיק אַליין זיך צו שטעלן אויף די פיס, אָן אַ באַלדיקער און עפעקטיווער געלט־איינשפּריצונג וואָס זאָל ראַטעווען די אינסטיטוציע פון באַנקראָט. די פראַגע איז נאָר — ווער זאָל דעקן דעם דעפיציט?

## די אטאקעס אויפן ארבעטער־לוין

אין די איצטיקע חנוכה־טעג פייערן מיר נאָך אַ וויכטיקע דאַטע: 41 יאָר הסתדרות. אויך אין דעם פאַל קומען פאָר פייערלעכע אַקאַדעמיעס, מסיבות, אויספלוגן, טעאַטער־פאָשטעלונגען, פרימאָרגנס פאַר קינדער. און רעדעס – אָן אַ שיעור. די הסתדרות מעג זיך טאַקע פרייען – נישט נאָר מיט אירע אויפטוען, נאָר אויך – מיט אירע בודזשעטן. קיין דעפיציט איז נישטאָ. דער מס־אחיד (מיטגלידס־אָפּצאָל) ווערט גוט איינקאַסירט, פאַראַן אַן עודף פון הכנסה איבער דער הוצאה. נאָר אויב די הסתדרות איז דער מלך פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, איז די קופת־חולים – די קרוין אויפן קאָפּ. ווער ווייסט צי די הסתדרות וואָלט דערגאַנגען צו אזא ריזיקער מיטגלידערשאַפט און צו אַזאַ אָנזען, ווען נישט די קופת־חולים. פונדעסטוועגן ווערט בלויז עטלעכע פערציק פּראָצענט פונעם מס־אחיד אויסגעטיילט פאַר דער קראַנקן־קאַסע. אין אַלגעמיינע ציפערן איז עס טאַקע אַ גרויסע סומע, אָבער פאַר די אַספּיראַציעס און אינוועסטיציעס פון דער קופת־חולים – איז עס צו ווינציק. פונקט ווי ס׳איז לעכערלעך די נישטיקע סומע מיט וועלכע די רעגירונג סובסידירט די קופת־חולים, וואָס דערפילט, ווי געזאָגט, מלוכהשע אויפגאַבן אין גרויסן פאַרנעם, באַזונדערס אין די ישובים פון דער נייער עליה און אין די אַנטוויקלונג־ערטער. זינט עטלעכע יאָר ווי די קופת־חולים אָנפירונג אַלאַרמירט וועגן כסדרדיקע דעפיציטן און בעט זיך רחמים, סיי ביי דער הסתדרות, סיי ביי דער רעגירונג, צו פאַרגרעסערן זייערע סובסידיעס – און קיינער ענטפערט נישט. און אַזוי ווי אין דער רעגירונג, אין דער הסתדרות און אין קופת־חולים, האָט מפא״י די הויפּט־דעה, איז נישט שווער געווען זיי זאָלן זיך צוזאַמענריידן, אַז דעם איצטיקן קאַטאַסטראָפאַלן מצב פון קופת־חולים קאָן נאָר ראַטעווען – דער אַרבעטער. אויב פאַרגרעסערן דעם מס־אחיד מיט אַ 8 – 9 פּראָצענט, אויב אַרויפלייגן אויפן אַרבעטערס פּלייצע נאָך אַ שטייער, אַראָפּרייסן פון זיין מאָגערן לוין נאָך עטלעכע פונט – שיסט מען דאָ עטלעכע האָזן מיט אַמאָל: סיי מען באַלאַנסירט דעם בודזשעט פון קופת־חולים, סיי מען באַפרייט די רעגירונג פונעם חוב צו פאַרגרעסערן איר סובסידיע, און די הסתדרות – פון אויסטיילן אַ גרעסערן חלק פאַר די געזונטהייט־באַדערפענישן פון אירע מיטגלידער.

אויף דעם בידנעם אַרבעטער־געהאַלט האָט זיך לעצטנס אַ וואָרף געטאָן די אָנפירונג פון דער הסתדרות, באַשליסנדיק צו העכערן דעם מס־אחיד; די מפא״ישע מיניסטאָרן אין דער רעגירונג – דורך איינפירן אַ ריי נייע שטייערן און דורך הייבן די פרייזן פון עטלעכע לעבנסוויכטיקע אַרטיקלען. די דאָזיקע העכערונגען ווערן באַגלייט מיט קלאַנגען וועגן געהעכערטע אָפּצאָלן אין די אויטאָבוסן, באַנען, פּאָסט.

## נייטיק א חשבון — נאָר אָן פחד

אין לאַנד קומען די טעג פאָר שטרייקן. נישט פון קיין אַרבעטער קעגן דער יקרות־כוואַליע, קעגן פאַרפרוירענע לוינען, קעגן די נייע שטייערן און קעגן העכערן דעם מס־אחיד. עס שטרייקן עטלעכע טויזנט אינזשינירען, אַגראָנאָמען, כימיקער און אַרכיטעקטן, וועמען מען האָט שוין פון לאַנג צוגעזאָגט צו פאַרבעסערן די לוינען – און נישט געהאַלטן וואָרט. עס פאַרמעסטן זיך צו שטרייקן די לערערס פון די פאָלקסשולן און מיטלשולן, וועלכע האָבן דערגרייכט באַדייטנדיקע לוין־אויסבעסערונגען, נאָר נישט אַלץ איז רעאַליזירט געוואָרן. עס האָבן אויך פאַרשטרייקט די... אייגנטימער פון די ברילאַנטן־שלייפערייען און געשלאָסן זייערע אונטערנעמונגען אלס רעאַגירונג אויפן באַשלוס פון דער הסתדרות צו שטרייקן אין 4 אַזעלכע פאַבריקן פאַר נישט אויסצאָלן דעם לוין־צוגאָב פון 6 פּראָצענט, זינט יאַנואַר 1961. דער פאַבריקאַנטישער לאָקאַאוט האָט אויפגעצווונגען ארבעטלאָזיקייט אויף אַן ערך 6 טויזנט דיאַמאַנטן־אַרבעטער.

די רייכע ברילאַנטן־עקספּאָרטערן, ווילנדיק אויספּרעסן ביי דער רעגירונג נאָך פּרעמיעס און קאָנצעסיעס – שלאָגן דעם אַרבעטער. די הסתדרות, ווילנדיק דעקן דעם דעפיציט פון קופת־חולים – צווינגט אויף אויפן אַרבעטער אַ געהעכערטן מס־אחיד. אשכול און ספיר, מיטן אַרויפלייגן נייע

שטייערן און מיטן פּאַרטייערן אַ ריי אַרטיקלען – טרעפן קודם־כל דעם אַרבעטער. יווירונג, אומצופרידנקייט, שטומער פּראָטעסט, האָט זיך אָנגעזאַמלט ביים אַרבעטער אין פאַבריק, אויף בוי, אין פעלד. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך נישט געקומען צום אויסדרוק מיט דער פולער קראַפט. דאָ און דאָרט זענען געווען דערשיינונגען פון מוטיקע אַרויסטריטן. די וואַלן אין "חברת החשמל" און אין "יובל־גד" האָבן באַוויזן, אַז ענדלעך האָט אויך אין ישראל געריררט דאָס אייז. אין די דאָזיקע גרויסע אונטערנעמונגען האָט מען געוואַגט איבערצורייסן מיט דער פּאַרטיי פון "חשבון און פחד" (לויט דער גלענצנדיקער באַצייכענונג פון מ. שרת בנוגע דעם אינערלעכן רעזשים וואָס הערשט אין זיין פּאַרטיי). געקומען די צייט, אַז די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט זאָל גראָד אין די איצטיקע יובל־טעג פון דער קופת־חולים און פון דער הסתדרות, אַדורכפירן אַ חשבון (נאָר אָן פחד!) בנוגע דעם וועג פון דער הסתדרות, איבער געוויסע אַנטי־אַרבעטער שריט וואָס זענען הימל־ווייט פון יענע ערשטע טעג מיט 41 יאָר און מיט 50 יאָר צוריק, ווען די גרינדערס פון דער קופת־חולים און פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָבן געהאַט פאַרן אויג נאָר די אינטערעסן און וווילשטאַנד פונעם אַרבעטער. ווייל פון יענער ערשטער און עכטער אַרבעטער־תקופה מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, טיילן אונדז אָפּ נישט נאָר אַ סך יאָרן, נאָר אויך אַ ווייטער, אידעישער מהלך.

דעריבער ווערן די איצטיקע יובל־פייערונגען פון דער הסתדרות און פון דער קופת־חולים באַגלייט דורך אונדז מיט אַ פּאָדערונג אָפּצושטעלן דעם גאַלאָפּירנדיקן יקרות און קעגן די נייע לאַסטן אויף דער פּלייצע פונעם אַרבעטער.

(י"ש ת"א, 7.12.61)

## אלץ צוליב די 0.4 פּראָצענט...

נישט קיין שלעכטער איינפאל איז געווען דאָס פאַרזיכערן דעם אַרבעטער־לוין אין פאַל פון... יקרות. נאָך א ריי סאָציאלע דערגרייכונגען קעגן אומגליקס־פאַלן, זיקנה און קראַנקהייטן, איז אויך געקומען די צייט צו אַסעקורירן דעם לוין גופא: אין פאַל פון אַן אַלגעמיינער פאַרטייערונג – אַן אַנטשפּרעכנדיקע אַנטשעדיקונג.

פאַר דעם צוועק איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער "שפּייזקויש" פון די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. סטאַטיסטיקער און עקאָנאָמיסטן באַרעכענען דעם פּרייזן־אינדעקס, און לויטן מעסטער זיינעם ווערט באַשטימט די יקרות־פאַרגיטיקונג פאַרן אַרבעטער, די א. ג. תוספת־יוקר.

ערשט מיט געציילטע יאָרן צוריק איז דער דאָזיקער אינדעקס באַרעכנט געוואָרן יעדן חודש, דערנאָך – אַלע צוויי חדשים, שפּעטער – יעדן קוואַרטאַל, און לעצטנס – יעדן האַלבן יאָר, בעת אין דער צווייטער העלפט נעמט מען נישט אַריין די פּרייזן פון די פּרוכטן און גרינסן, וועלכע ווערן אַריינגערעכנט ערשט סוף יוני, אין דורכשניט פון א גאַנץ יאָר.

נאָך עפּעס: א יקרות־קאָמפּענסאַציע ווערט געגעבן נאָר דאַן, אויב דער מעסטער ווייזט אין משך פון אַ האַלב יאָר אַ פאַרטייערונג פון 3%. פעלט עפּעס צו צו דער דאָזיקער נאָרמע – ווערט די תוספת־יוקר נישט אויסגעצאָלט.

האָבן מיר אויך איצט ווי פיל מאָל פריער, זוכה געווען צו דעם, אַז ביים אונטערחשבונען דעם אינדעקס פאַרן צווייטן האַלבן יאָר פון 1961, האָט ער געוויזן אַ שטייגערונג בלויז פון 2.6% (אָן די פּרוכטן און גרינס) – און דערפאַר וועט דער אַרבעטער נישט באַקומען די מינדעסטע פאַרג־טיקונג פאַרן בושענדיקן יקרות. אויב צו דעם צוגעבן, אַז דער רוב מנין און בנין לוין־אַרבעטער זענען געבונדן מיט די הסתדרותישע קאָלעקטיווע אָפּמאַכן, וועמענס גילטיקייט ענדיקט זיך ערשט סוף 1962, מיינט עס פאַקטיש אַ ווילקירלעכע לוין־פאַרגליווערונג פון איין זייט, און אָפענעם רויב פון יעטוועדער קאָמפּענסאַציע צוליב דער פּרייזן־שטייגערונג, ביזן סוף פון היינטיקן יאָר – פון דער צווייטער זייט. (אויב סוף יוני ה. י. וועט ווידער "פעלן" א ברעקל פּראָצענט צו דער נאָרמע).

די צענטראַלע מלוכהשע סטאַטיסטישע ביוראָ האָט אויך דאָסמאָל נישט אָפּגעלייקנט, אַז אין די לעצטע חדשים איז פאַרצייכנט געוואָרן אַ באַדייטנדיקע שטייגערונג אין די פּרייזן פאַר שפּייז,

מעבל, שטוב־זאַכן, פֿאַרוויילונג און קולטור, קינדער־דערציונג, שיך און קליידער, טעלעפֿאָן, קאָמוניקאַציע אדג״ל, שוין אָפּגערעדט פֿון שטייערן און באַשטייערונגען, וואָס דאָס אַלץ אונטערליגט דער אינדעקס־באַרעכענונג, און במילא – דער תּוספֿת־יוקר. אָבער אייגנאַרטיק זענען די רעכן־מאַשינען פֿון אונדזערע מלוכהשע סטאַטיסטיקערס און ״אָריגינעל״ זענען די טוערס פֿון דער פּראָפֿ׳־אָפּטיילונג פֿון דער הסתדרות און די ווירטשאַפֿטלעכע מיניסטאָרן. טראָץ דעם וואָס דער יקרות האָט אַזוי גאַלאָפּירט אין די לעצטע זעקס חדשים, וועט מען אויך דאָסמאָל נישט אויסצאָלן דעם יקרות־צושלאָג. אַזוי האָבן באַרעכנט און געפּסקנט די וואָס פֿאַרנעמען טאַקע זייער בכּבֿודיקע מלוכהשע און געזעלשאַפֿטלעכע שטעלעס, אָבער זייערע הויכע לוינען זענען פּאָרט נישט אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע אויפֿטרייסלונגען און דעפּיציטן, ווי דער מאָגערער און פֿאַרפֿרוירענער לוין פֿונעם פֿאַבריקס־אַרבעטער, אָנגעשטעלטן, באַאַמטן און דאָרפֿס־אַרבעטער.

די סטאַטיסטיקערס מיט זייערע חשבונות, די מיניסטאָרן מיט זייערע באַשטימונגען און די הסתדרות מיט זייער צושטימונג האָבן געשאַפֿן אַ לאַגע, אַז נאָר דער שוואַך־געשטעלטער און שלעכט־באַלוינטער אַרבעטער ווערט נישט פֿאַרגיטיקט אין פֿאַל פֿון אַן אַלגעמיינער פֿאַרטייערונג. די אינדעקס־אַקראָבאַטיק און די פּרייזן־באַרעכענונג ווערן אַזוי געמאַכט, אַז שטענדיק פֿעלט צו אַ פּראָצענטל צו דער נאָרמע פֿון 3, אָדער – ס׳איז גאָר בכלל נישט געוווען קיין שטייגערונג. זענען דאָך באַוווּסט פֿאַלן, ווען אין די א. ג. ״באַשטימונג־טעג״ זענען מלוכהשע קאָנטראָלאָרן אַרויס אויפֿן מאַרק פֿעסטשטעלן די פּרייזן, ווען די רעגירונג האָט געגעבן אַ סובסידיע אויף געוויסע אַרטיקלען... אמת, צומאָרגנס זענען זיי צוריק טייערער געוואָרן, אָבער די באַאַמטע האָבן טריי פֿאַרצייכנט דעם ביליקן פּרייז אינעם ״באַשטימונג־טאָג״, וועלכער איז ״פֿאַראייביקט״ געוואָרן אינעם אינדעקס...

קיין אַנדערע באַצייכענונג אויף אַזאַ האַנדלונג האָט נישט געקאָנט זיין, ווי נאָר אַ רויב אין מיטן העלן טאָג פֿונעם מאָגערן אַרבעטער־לוין.

*

די דאָזיקע פּאָליטיק (פֿון יקרות, שטייערן און לאַסטן, ביים גלייכצייטיקן פֿאַרפֿרירן די לוינען און באַרויבן די תּוספֿת־יוקר), ווערט פֿון ערשטן מאָמענט אָן אַדורכגעפֿירט דורך דער איצטיקער קאָאַליציע־רעגירונג. דאָס האָט זי איינגעפֿירט אַ נייעם שטייער (״מילווה הקליטה״), פֿאַרגרעסערט די אומדירעקטע שטייערן, געהעכערט די פּרייזן אויף אַ ריי אַרטיקלען פֿון ערשטן געברויך, אָפּגעשאַפֿט סובסידיעס אויף געוויסע סחורות. און אַז די רעגירונג מעג – מעגן דאָך אַוודאַי די פֿאַרשידענע פּריוואַטע און געזעלשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען. ברויט און מילך וועט די טעג טייערער ווערן; די אויטאָבוסן־בילעטן וועלן פֿון ערשטן פֿעברואַר געהעכערט ווערן. אין אַ וואָך אַרום דאַרפֿן אויך פֿאַרטייערט ווערן די באַן־בילעטן. די מוניציפּאַלע שטייערן וועלן אין רוב שטעט און מושבֿות באַדייטנדיק געהעכערט ווערן. דער שכר־לימוד אין די מיטלשולן איז געהעכערט געוואָרן צוליבן נאָכקומען די פֿאָדערונגען פֿון די לערערס. און די רשימה איז נאָך ווייט נישט קיין געענדיקטע. ערשט נאָך דעם אַלעמען, וועלן אַוודאַי קומען די זעלבע סטאַטיסטיקערס און פּאָליטיקערס, וואָס טראָץ זייער גרויסער מייסטערשאַפֿט אין רעכענען, וועלן זיי זיך נישט קאָנען דערשלאָגן צו די אָנגעצייכנטע 3 פּראָצענט – און דער אַרבעטער וועט ווידער בלייבן באַוועלט.

*

מען וואָלט דאָ געקאָנט איבערקערן דאָס באַרימטע ווערטל און פֿרעגן: אויב ס׳איז אַזוי שלעכט – טאָ פֿאַרוואָס איז אַזוי גוט? מיט וואָס דערקלערן זיך די האָפֿערדיקע און אָפּטימיסטישע רייד פֿון פֿינאַנס־מיניסטער לוי אשכול, אַז די אַרבעטער קויפֿן אַ סך פֿריזשידערס, גאַז־איינריכטונגען, וואַשמאַשינען; אַז מען פֿאָרט קיין אויסלאַנד; אַז מען לעבט אין דער מדינה ווי ממש אין אַ גן־עדן אויף דער ערד?

די דאָזיקע אשכולישע האָפֿערדיקייט איז געגליכן צו די קאַלקולאַציעס פֿון די באַאַמטע אינעם צענטראַלן סטאַטיסטישן אַמט: די ציפֿערן, ווי אַזוי מען שרייבט זיי – אַזוי לייענט מען זיי.

אויך מיר דיספּאָנירן מיט ציפערן, און גראַד פון זייער באַגלויבטע קוועלן: פון דער הסתדרות, "באַנק ישראל" א. אנד. ס'ווייזט זיך אַרויס, באַזונדערס בנוגע דער "פּריזשידערס־לעגענדע", אַז בסך־הכּל 55% לוין־אַרבעטער באַזיצן עלעקטרישע אייזקאַסטנס; אַז ביזן 57טן יאָר האָבן קוים 18 אויף 100 משפּחות פון די מזרח־עדות געהאַט אַ פריזשידער. ווייטער דערציילט די סטאַטיסטיק, אַז 26% שטאָטישע לוין־אַרבעטער באַזיצן נאָך נישט קיין פריזשידער, קיין גאַז־איינריכטונג, קיין וואַשמאַשין.

אַז מיר אָפּערירן שוין מיט "אונדזערע" ציפערן, וועט גאָרנישט זיין קרום צו דערמאָנען, אַז פון 100 ל"י הכנסה אין ישראל, ווערט 41.7 ל"י צעטיילט פאַר די אייבערשטע (רייכע) 20 משפּחות און 58.3 ל"י — פאַר די איבעריקע 80 משפּחות; אַז אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג געניסט בלויז 1/4 פון דער הכנסה, בעת די צווייטע העלפט באַקומט 3/4 פון דער הכנסה (ציטירט לויט גיורא חנוך: "די הכנסה־אונטערשיידן אין ישראל").

פונוואַנען דער דאָזיקער שרייענדיקער קאָנטראַסט צווישן דער סטאַטיסטיק מיט וועלכער מיר אָפּערירן, און דער מיט וועלכער עס באַנוצט זיך אשכול? ער נעמט זיך דערפון, וואָס בעת די רעגירונג און די הסתדרות באַנוצט זיך מיטן דורכשניט, דערלאַנגען מיר קאָנקרעטע און פּרעציזע סך־הכּלען פון באַשטימטע גרופּן בירגער, און אין דער ערשטער ריי — פון לוין־אַרבעטער. אַזוי צ.ב. זענען די אָפיציעלע אינסטאַנצן גרייט צו באַווייזן, אַז אין די יאָרן 57 — 1954 איז די רעאַלע הכנסה ביי די פאַרדינערס אין ישראל געשטיגן מיט העכער 40%. אמת ויציב! יענע ווילן אָבער דאָס פאַראַלגעמיינערן, און מיט אַ דורכזיכטיקער כּוונה צו פאַרטושן און זשאָנגלירן מיט גרויסע ציפערן. מיר וועלן אָבער אינפאָרמירן דעם לייענער, אַז בעת די זעלבשטענדיקע האָבן פאַר דער צייט פאַרגרעסערט זייער איינקונפט מיט גאַנצע 30%, איז דעם לוין־אַרבעטער צוגעפאַלן נישט מער פון 10.9%. אין דעם טאַקע שפּיגלט זיך אָפּ זייער דורכשניט און אונדזער ריכטיקער שניט איבער ציפערן און פאַקטן.

*

די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, ווען 6000 אינזשעניערן שטייען שוין צוויי וואָכן אין אַ פאַרביטערטן שטרייק צו העכערן זייער לוין און סאָציאַלע דערגרייכונגען; ווען צוויי מאָל אַזויפיל אַקאַדעמיקער האָבן אַלס צייכן פון סאָלידאַריטעט געוואָרפן אויף אַ האַלבן טאָג די אַרבעט און ווידער געמאַכט אַן אַרויסרוף דער רעגירונג און הסתדרות, וועלכע האָבן פון ערשטן מאָמענט זיך קעגנגעשטעלט בלויז דער צו הויכער פאָדערונג פון די אינזשעניערן (אַ לוין־צוגאָב פון 16.5 פּראָצענט), זייענדיק לכתחילה גרייט אונטערצוטראָגן אַ הוספה פון העכער 7%; ווען די שאָפּערן פון "דן", "אגד", און "המקשר", וועלן טראָץ זייערע במילא "אַקאַדעמישע" לוינען, באַקומען איצט כּמעט די העכערונג, איבער וועלכער עס קעמפן די אינזשעניערן. דאָס באַווייזט, אַז נישט אומעטום איז די רעגירונג און די הסתדרות אַזוי פאַרשטייפט און פאַרביסן. דווקא די בעסער־סיטואירטע שיכטן פון דעם לוין־פּראָלעטאַריאַט זענען זיי נוטה נאָך און נאָך צו דערלייגן, ביים גלייכצייטיקן אַרויסווייזן האַרטנעקיקייט און אומפּשרותדיקייט די ווייניק־פאַרדינענדיקע. די וואָס שטייען אויפן שפּיץ לייטער אין דער לוין־קלאַסיפיקאַציע, איז מפּא"י גרייט מוותּר צו זיין. און די וואָס געפינען זיך אויף די הינטערשטע טרעפּלעך, טאָרן נישט גיין העכער.

איינער פון די יסודותדיקע פאָדערונגען פון מפּ"ם ביי די קאָאַליציע־אונטערהאַנדלונגען מיט 3 חדשים צוריק איז געווען — זיכערן דעם רעאַלן לוין פונעם אַרבעטער, אין פאַל פון אַנטווערטן דעם ישראלדיקן פונט, צי אין פאַל פון אַ יקרות. אַזאַ פאַרזיכערונג האָט אשכול נישט געוואָלט געבן. אמת, דער ישראלדיקער פונט איז פאָרמעל נאָך נישט אַנטווערטערט געוואָרן, אָבער אין אָנבליק פון גאַלאָפּירנדיקן יקרות און פאַרגליווערטן לוין, אַזש ביזן נישט אויסצאָלן די תּוספת־יוקר, איז די קויף־קראַפט פונעם פונט שטאַרק געפאַלן. פאַר אַן אַרבעטער מיינט עס מער פון אַנטווערטונג — און ס'איז געקומען די צייט, אַז זיין קאַמף פאַר די 0.4 פּראָצענט צום אינדעקס, זאָל זיין נישט ווייניקער אינטענסיוו, ווי דער שטרייק פון אינזשעניערן פאַר איבער 16% לוין־העכערונג...

נישט מיט אלעמען סאָלידאַריזירט זיך דער לוין־אַרבעטער אין ישראל אין שיכות מיטן איצטיקן אינזשעניערן־שטרייק, נאָר אַראָפּנעמען זיך א מוסר־השכל ווי אזוי פירן די מלחמה פאַר א בעסערן לוין — דאָס זעט איר, וואָלט נישט געשאַדט...

(י״ש ת״א, 25.1.62)

# דער האַנדל מיט יאָסעלען

אונטער די גרינינקע ביימעלעך, שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך;
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאהלעך — יידעלעך פריש פון די אייעלעך.
(חיים־נחמן ביאַליק)

היינט, ווען יאָסעלע שוכמאַכער איז שוין 27 חדשים אָפּגעריסן פון זיינע עלטערן — אונטער וועלכע גרינע ביימער אין ישראל שפּילט ער זיך? ווו איז ער אַהינגעקומען? פאַרוואָס האָט אים זיין זיידע אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן אַוועקגענומען פון טאַטע־מאַמע און שוועסטער, אויף גוואַלט אים אָנגעטאָן ציצית, אַ קאַפּאָטקעלע און פּאהלעך און וויל אים נישט אָפּגעבן די לעגיטימע עלטערן — דער אייגענער טאָכטער און איידעם? ווי לאַנג נאָך וועט מען הערן דעם פאַרצווייפלט־יאָמערלעכן געשריי פון דער אומגליקלעכער אידאַ שוכמאַכער "ווו איז מיין קינד" און אירע אומאויפהערלעכע בקשות צו ר׳ נחמן שטאַרקעס "טאַטע, גיב מיר אָפּ יאָסעלען!"? און וויפל נאָך געריכט־אורטיילן און פּאָליציייִשע אַקציעס זענען נייטיק אויף צו אַנטדעקן דאָס אַוועקגערויבטע יינגעלע? און ווי לאַנג וועלן פרום־פאַנאַטישע קידנעפּער זיך איזדעקעווען איבער צעבראָכענע עלטערן, איבערן קראַנקן און אַרעסטירטן זיידן, אויסשטעלן צו שאַנד און שפּאָט די מדינה מיט אירע איסטיטוציעס? ווען וועט אַ סוף נעמען צו דעם דאָזיקן בזיון און סקאַנדאַל, וואָס האָט נישט זייערס גלייכן אין דער געשיכטע פון קיין שום פאָלק?

העכער צוויי יאָר צייט, ווי אין ישראל און אין דער גרויסער וועלט ווערן אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע פראַגן — און נישטאָ אויף זיי קיין ענטפער. שוין איבער אַ וואָך זינט דער איינציקער בורר, הרב ידידיה פרענקעל פון תל־אביב, האָט אַפּעלירט צו די פרומע "פּאַסערס", וואָס באַהאַלטן אויס דעם געגנבעטן יאָסעלען, אַז זיי זאָלן אים איבערגעבן אין זיין רשות. אָבער — אין קול ואין עונה...

די פינצטערע פּרשה יאָסעלע שוכמאַכער באַלייכט ווידער איינעם פון די סאַמע משונהדיקסטע און פיינלעכע ענינים אין מדינת ישראל: די באַציִונג פון דער מלוכה צו דער רעליגיע, די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דעם וועלטלעכן און רעליגיעזן טייל איינוווינער אין לאַנד און — דער אויסגעוואַקסענער רעליגיעזער שאַנטאַזש.

*

ביים פּראָקלאַמירן די מדינה, איז אין דער "מגילת העצמאות" בפירוש געזיכערט געוואָרן גלייכע רעכט ביידע טיילן פון דער באַפעלקערונג — דער רעליגיעזער, ווי דער וועלטלעכער. פונדעסטוועגן, ביים איבערפירן די "מדינה אונטערוועגנס" אויף די נייע, מלוכהשע רעלסן, איז דער רעליגיעזער שולחן ערוך, די אָבליגאַטאָרישע כשרות און קאַלטע, אומגעקאָכטע מאכלים פאַר די זעלנער אין שבת — איינגעפירט געוואָרן אין צה״ל פאַר אַלע אָן אויסנאַם זעלנער. אַן ענלעכע געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט מיטן שול־וועזן. די אַרבעטער־שטרעמונג איז ליקווידירט געוואָרן, אָבער צו דער אַלגעמיינער שול נעץ פון דער מדינה, איז אַנטשטאַנען אַ פּאַראַלעלע רעליגיעזע שול־שטרעמונג, מיט נאָך אַ צוגאָב: באַזונדערע שולן פאַר דער אגודת ישראל. די ענינים פון דער פאַמיליע, חתונות, גטן, אַלימענטן, ירושות — זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ און ווילקיר פון די ראַבינאַטן. דער נישט־רעליגיעזער טייל איינוווינער האָט געמוזט מיטמאַכן דעם גאַנצן צבועקישן שפּיל פון אָנקומען צום ראַבינאַט אין זיינע ריין־פּערזענלעכע און פאַמיליע־ענינים. דער פאַרבאָט אויף דער עפנטלעכער קאָמוניקאַציע אין די שבתים — איז אין פולער קראַפט; איצט רעדט מען שטאַרק וועגן אַן אַלגעמיינעם

אָבליגאַטאָרישן שבת־רו געזעץ; ס׳איז איינגעפירט געוואָרן אַ לאַנד־געזעץ וועגן פאַרווערן חזיר־צוכט און האַנדל; די רעליגיעזע אוידיציעס אין ראַדיאָ פאַרגרעסערן זיך; בתי־כנסת, ישיבות און "שטיבלעך" וואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן; די חברות קדישא האָבן דעם פולשטענדיקן מאָנאָפּאָל איבער די טויטע. ווער ווייסט, וואָס נאָך עס דערוואַרט דעם וועלטלעכן בירגער פון מדינת ישראל, אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פרומאַקישער אַגרעסיע.

*

דאָס מאַיאָריזירן די וועלטלעכע בירגער דורך די רעליגיעזע, איז נישט דערפאַר ווייל ישראל פאַרמאָגט אַ מערהייט פרומע יידן. פאַרקערט, ביי אַלע וואַלן צו דער כנסת, אַפילו ווען די רעליגיעזע פאַרטייען האָבן געהאַט צו פאַרצייכענען אַן אויפשטייג, איז זייער אַלגעמיינע צאָל שטימען און מאַנדאַטן נישט דערגאַנגען מער ווי 15%.ביידע מזרחי־פאַרטייען און ביידע אגודה־פאַרטייען טענהן, אַז אויך ביי מפא״י, "חירות" און ליבעראַלן זענען פאַראַן גלויביקע יידן — פונדעסטוועגן איז זייער צאָל נישט גרויס אויף אַזויפיל, אַז אויסער דער געזיכערטער יענער וועלט, זאָל מען די פרומע געבן אויך אַלע רעכט און פריווילעגיעס אויף דער וועלט. אויב אָנעמען דעם סאַמע אָפּטימיסטישן ציפער פון רעליגיעז־געשטימטע מענטשן אין לאַנד, וועט ער נישט איבערשטייגן קיין 25%. טאָ פאַרוואָס אַזאַ צוואַנג כלפי דער נישט רעליגיעזער באַפעלקערונג? פאַרוואָס זאָל אַ קליינע מינדערהייט הערשן איבער אַ גרויסער מערהייט?

כדי ענטפערן אויף דער פראַגע, איז נייטיק אַריינצוקריכן אין תחום פון פּאָליטיק. ווייל פונקט ווי דער אַגרעסיווער קלער האָט שטענדיק זיך מער באַנוצט מיט פּאָליטישע מיטלען, איידער מיט הימלישע, אויף צו שטאַרקן זיין השפעה, אַזוי אויך האָט דער פּאָליטישער רעזשים אין לאַנד, דורך אַ קנוניה און קאָנצעסיעס פאַר די רעליגיעזע, באַפעסטיקט זיין הערשאַפט. זינט די מדינה עקזיסטירט, איז מפא״י שטענדיק געווען פאַרבונדן אין אַ קאָאַליציע מיט די רעליגיעזע פאַרטייען. מפא״י פלעגט אַמאָל מוותר זיין אויף די אַלגעמיינע ציוניסטן אַלס שותפים אין קאַבינעט, זי האָט לעצטנס אַפילו רעזיגנירט פון די ליבעראַלן, פירט אַן "אייביקן" ברוגז מיט "חירות", זי דאַנקט גאָט דערפאַר, אז זי קאָן זיך באַגיין אָן מפ״ם אין דער רעגירונג און וואָלט ביי יעדער געלעגנהייט מוחל געווען אחדות־העבודה איר מיטצולויפן. אָבער די פרומע האָבן זיי, ווייזט אויס, געגעבן תקיעת־כף — און ס׳איז כמעט נישטאָ קיין קאַבינעט אין ישראל, אַז די רעליגיעזע פאַרטייען זאָלן דאָרט נישט זיין פאַרטרעטן.

*

אין אַזאַ אַטמאָספער איז פאַרשטענדלעך, אַז יעדער פרומער ייד אין ישראל האַלט זיך פאַר אַ מיוחס, אַ פריווילעגירטן בירגער, וועלכער מעג זיך אויסלאַכן פון אַלע געזעצן פון דער מדינה, פון איר געריכט־וועזן, פון דער פּאָליציי. ליידיקגייערישע ישיבה־בחורים באַוואַרפן מיט שטיינער אין שבת אַן אַמבולאַנס פון "מגן דוד אדום" אָדער אַן אויטאָ פון אַ דאָקטער, וואָס פאָרט ראַטעווען מענטשן פון אַ טויט־סכנה; צעיאַכמערטע באַנק־קוועטשערס און פאַנאַטישע מקוה־יידן צווינגען מוניציפּאַליטעטן צו שליסן אויסשטעלונגען וואָס זענען אָפן אין שבת, דערלויבן נישט שפּילן קיין טעאַטער צי געבן אַ קאָנצערט אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס; זיי האָבן אויך אויסגעפּועלט, אַז זייערע טעכטער, וואָס דעקלאַרירן רעליגיעזקייט, דינען נישט אין מיליטער, פונקט ווי פון דער דאָזיקער ערשטער נאַציאָנאַלער פליכט זענען אויך באַפרייט די ישיבה־בחורים, וואָס אָרגאַניזירן אַ קאָלעקטיוו קינדער־כאַפּעריי אין רמת־הדסה, דעם זאַמל־פונקט פון עליית־הנוער.

און אויב עס האַנדלט אַזוי אַ גאַנצער ציבור — טאָ פאַרוואָס זאָל אַ יחיד נישט מעגן? האָט ר׳ נחמן שטאַרקעס, אויס בלויזן פאַרדאַכט, קוים וועלן יאָסעלעס עלטערן צוריקפאָרן פונוואַנען זיי זענען געקומען — פאַרכאַפּט דאָס דאָזיקע קינד, פאַרוואַנדלט זיין אייניקל אין אַ לעבעדיקן יתום, אים אויפגעצוווּנגען אַ ישיבה. היינט, 27 חדשים נאָך דעם דאָזיקן קינדער־רויב, ווען דער אַלטער

און צעבראָכענער ר׳ נחמן זיצט שוין חדשים לאַנג אין תפיסה, מיט דער טענה, אַז אַפילו ער גופא ווייסט נישט ווו דאָס קינד געפינט זיך — איז אַפילו די בוררות פון אַ רעליגיעזער אויטאָריטעט, ווי הרב פרענקעל, שוין נישט בכוח צוריק ברענגען דאָס אומגליקלעכע קינד צו זיינע עלטערן...

*

אויך די בוררות פאַרן הרב פרענקעל צווישן דער מאַמען מיטן זיידן — איז דאָך אַ רעזולטאַט פון אַ משונהדיקער אַנטוויקלונג. העכער צוויי יאָר צייט ווי די אַזוי שטאַרק געלויבטע ישראל־פּאָליציי, וואָס האָט שוין אַנטדעקט פיל פאַרברעכערס, אונטערוועלטניקעס, מערדער, שפּיאָנען, מאָרפיניסטן און סוטענערן — איז געבליבן הילפלאָז לגבי דער אַנטדעקונג פון יאָסעלעס באַהעלטעניש. די דאָזיקע אומבאַהאָלפנקייט איז אַפילו דערגאַנגען אויף אַזוי ווייט, אַז די פּאָליציי האָט מיט אַ יאָר צוריק געבעטן ביים העכסטן געריכט צו באַפרייען זי פון דעם עול אויפצוזוכן יאָסעלען. סיי די פּאָליציי־קרייזן, פּונקט ווי אַנדערע אָפיציעלע קרייזן אין לאַנד, האָבן אַרויסגעוויזן אי שוואַכקייט, אי נאַכלעסיקייט, אַרום דעם דאָזיקן קינדער־רויב, וואָס האָט דאָך אַ ברירה צו ווערן אַ נגע אין דער מדינה.

די עקשנות און רשעות פון דעם אַלטן זיידן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיינע באַדינגונגען אויף אַ בוררות פון אַ רב זענען טאַקע אָנגענומען געוואָרן: זיכערן פּאָליצייאישע און געריכטלעכע אומבאַרירלעכקייט כלפּי די וואָס זענען געווען פאַרמישט אין דער קידנעפּעריי; יאָסעלע טאָר נישט צוריקגיין צו זיינע עלטערן, נאָר דאַרף לערנען אין אַ ישיבה; איבערן קינד ווערט באַשטימט אַ אַפּוטרופּוס. און אויף דער אַלעמען האָט מסכים געווען הרב פרענקעל. ער האָט אויך אונטערהאַנדלט מיטן גענעראַל־פּראָקוראָר פון מדינת ישראל וועגן נישט טשעפּען די פאַרברעכער — און מיר זענען צופרידן וואָס כאָטש דאָ האָט ער נישט באַקומען קיין אָפיציעלן צוזאָג, אַז אַזוי וועט טאַקע געשען. אָבער דער פּסק־דין איז געווען: יאָסעלע דאַרף זיך לערנען אין אַ ישיבה אין בני־ברק, די עלטערן וועלן אים קאָנען בלויז אָנקוקן (ווער ווייסט — אפשר נאָר דורכן פענצטער...), אָבער אַהיים וועט ער נישט קומען. און איבער דעם לעבעדיקן יתום באַשטימט זיך הרב פרענקעל בכבודו ובעצמו — אַלס אַפּוטרופּוס...

אָבער אַפילו דער דאָזיקער איינזייטיקער פּסק־דין פונעם בורר האָט נישט גערירט די פאַרשטיינערטע און פאַרברעכערישע הערצער פון די וואָס באַהאַלטן אויס יאָסעלען. דער רוף פון הרב פרענקל אָפּצוגעבן דאָס קינד, איז דערווייל פאַרבליבן אַ קול קורא במדבר. די זעלבע פרומאַקישע קרייזן אין לאַנד, וואָס זענען אויפן רוף פון וועלכן רב גרייט וועלטן איינצורייסן און אַדורכפירן שטורמישע דעמאָנסטראַציעס צוליבן עפענען אַ ״טריפהנע יאַטקע״ אין אַ רמת־גן צי אין אַ רמלה — זענען פאַרבליבן טויב און שטום אויפן רוף פון הרב ידידיה פרענקעל. און נישט נאָר זיי, די רעליגיעזע עמך־יידן, נאָר אָנהייבנדיק פון הרב ניסים, דעם הויפּט־רב פון מדינת ישראל, אונדזערע רעליגיעזע מיניסטאָרן, די כנסת־דעפּוטאַטן פון אַלע רעליגיעזע פּאַרטייען, די גרויסע רבנים און גאונים פון דער מועצת גדולי התורה — אַלע האָט באַהערשט אַ פאַרדעכטיקט שווייגעניש אַרום דער פּרשה יאָסעלע. קיין פּאָראַורטייל, קיין רוף צו די פאַרכאַפּערס אָפּצוגעבן דאָס קינד, אַפילו לויטן פּסק־דין פון הרב פרענקעל. קיין שלעכט וואָרט אויפן אַדרעס פון דעם קרענקלעכן און פאַנאַטישן זיידן, וואָס וויל כלומרשט ראַטעווען אַ יידיש קינד פון שמד און פירט דערביי צום גרונט אַן אייגענע טאָכטער. אַלע אָן אויסנאַם רעליגיעזע אויטאָריטעטן אין לאַנד שווייגן איבער דעם דאָזיקן פאַרברעכן.

אַוודאי איז יאָסעלעס פאַרכאַפּן געטאָן געוואָרן לשם שמים. קידנעפּעריי ווערט אין מאָדערנע מדינות באַטראַכט פאַר איינעם פון די שרעקלעכסטע פאַרברעכנס, בפרט נאָך, אַז די גענגסטער וואָס טוען די דאָזיקע שמוציקע מלאכה, הייסן זיך באַצאָלן ריזיקע סומען אויסקויף־געלט פאַר צוריקגעבן דאָס געכאַפּטע קינד. אונדזערע פרומע קידנעפּער פאָדערן נישט קיין אויסקויף־געלט. זיי האָפן דאָס איינצוקאַסירן אויף יענער וועלט. אָבער דאָס עצם פאַרברעכן פון אַוועקרויבן אַ לעבעדיק קינד ביי לעבעדיקע טאַטע־מאַמע, אַפילו אָן דעם פאָדערן אויסקויף־געלט, איז נישט

קלענער פון דער האַנדלונג פון אַמעריקאַנער גענגסטער צי פראַנצויזישע קינדער־פאַרכאַפּער. יענע האָבן געפירט דעם האַנדל איבער דער הייך פון דער סומע, אונדזערע ישראלדיקע קידנעפּערס פירן דעם האַנדל מיט יאָסעלען איבער אַ פאַרגרעסערטן רעליגיעזן טעראָר און צוואַנג אין דער מדינה, איבער איינשטעלן אַ מקווה און ישיבה־רעזשים פאַר אונדזערע קינדער.

די איצט שוין גרויסע שלמהלעך און משהלעך — מיט די ציצית, קאַפּאָטקעלעך און פּאהלעך, וועלכע ביאַליק האָט אַזוי חנעוודיק באַזונגען — "פריש פון די אייעלעך", ניין, נישט קיין פרישקייט איז דאָס, נאָר אַ געשטאַנק פון דורות, אַ שימל פון מיטלאַלטער, אַן עיפּוש פון דאָגמאַטיקערס, איינגעהילט אין פינצטערניש, אָפּגעשטאַנענקייט און ווילקיר.

דער האַנדל מיט יאָסעלען דאַרף אָפּגעשטעלט ווערן נישט נאָר צוליב די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע, נאָר אויך פאַרן וווּל פון דער מדינה און אירע בירגער, אַז זיי זאָלן קאָנען לעבן און דערציען זייערע קינדער ווי זיי געפעלט.

(י"ש ת"א, 15.2.62)

## היינט — און מיט זעכצן יאָר צוריק

מיטן דערנענטערן זיך פון זעכצנטן יום־העצמאות, דעם אומאָפּהענגיקייטס־טאָג פון מדינת ישראל, ווענדעט זיך אונדזער בליק און זכרון צוריק צו יענעם ערב שבת, ה׳ אייר תש"ח — 14 מאַי 1948, ווען ס׳איז אין תל־אביבער שטאָטישן מוזיי פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה.

יענעם טאָג האָט דער ישוב אין לאַנד און די יידן אין דער וועלט דערפילט די היסטאָרישע, נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע באַדייטונג פון מלוכהשן תחיית־המתים פאַרן יידישן פאָלק. מיט וויפל גערירטקייט, שטאָלץ און סאַטיספאַקציע האָבן מיר געלייענט די ווערטער פון דער "מגילת העצמאות":

"אויפן סמך פון אונדזערע נאַטירלעכע און היסטאָרישע רעכט און אויפן גרונט פונעם באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, פּראָקלאַמירן מיר דערמיט דאָס אויפשטעלן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל — דאָס איז מדינת ישראל..."

מיט דעם אַקט איז פאַרזיגלט געוואָרן די צוויי טויזנט יאָריקע געשיכטע פון יידישן וואָגל און וואַנדער, פון היימלאָזיקייט און שטאַטלאָזיקייט, פון אומאויפהערלעכע ליידן און פּיין, וועלכע האָבן געהאַט זייער בלוטיקן פינאַל אין די קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ, טרעבלינקע און מיידאַנעק, אין די מאַסן־קברים אין מזרח־אייראָפּע, אין די געטאָס פון פּוילן.

יענעם זוניקן מאַי־טאָג אין יאָר 1948 זענען מיר געוואָרן דער "לעצטער דור פון אומקום און דער ערשטער — פון דער גאולה".

אין דער נאָר־וואָס אַנטשטאַנענער מדינה האָט דורכן ים אַ פּלייץ געגעבן אַ מעכטיקער שטראָם פון פרייער עליה. גלייכצייטיק האָבן דורך די יבשה־גרענעצן זיך אַ לאָז געגעבן די חיילות פון זיבן שכנותדיקע אַראַבישע לענדער, מיט דער בפירושער כוונה צו דערשטיקן די נאָר־וואָס געשאַפענע מדינה און אירע איינוווינערס שליידערן אין ים. די גבורה אין אונדזער באַפרייונגס־קריג, האָט צוריק געוואָרפן די אַגרעסאָרן פון וואַנען זיי זענען געקומען. אָנהייבנדיק פאַרהיילן די מלחמה־וווּנדן, האָט מען גלייכצייטיק אָנגעהויבן אויפנעמען די מאַסן־עליה, פאַרלייגט די יסודות פאַר אַ מלוכהשן לעבן, אויפגעשטעלט די אַרמיי און באַקומען די אָנערקענונג פון 54 מדינות.

דער דאָזיקער שטורמישער אָנהייב און דינאַמישער טעמפּאָ איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די גאַנצע 16 יאָר. ריזיקע אויפטוען, דערגרייכונגען, פאַרמעסטן — באַגלייט, ווי דער שטייגער, מיט דורכפאַלן, אַנטוישונגען און כסדרדיקער געראַנגל מיטן פיינדלעכן אַרום. דערביי האָט אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט די אינערלעכע מחלוקת פאַרן כאַראַקטער פון דער מדינה, איר אויסזען און אינהאַלט.

אינעם זעכצנטן יום העצמאות פרייען מיר זיך מיטן פאַראַנענעם יש. דאָס קליינע לאַנד (20 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער!) האָט שוין אויפגענומען העכער אַ מיליאָן עולים פון 80 לענדער. מדינת ישראל איז געוואָרן דער איינציקער נאַציאָנאַלער אַדרעס פאַר יענע יידן אין אַ ריי לענדער, וועמען מ'האָט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז זיי זענען דאָרט איבעריק, ווי פאַר די יידן וואָס זענען אייגנוויליק געקומען אַהער, כדי פירן אַ פולבלוטיק יידיש לעבן אין אייגענעם לאַנד. איצט, אויף דער שוועל פון 17טן יאָר פון מדינת ישראל, רעדט מען וועגן פולשטענדיקן ליקווידירן די מעברות און די חבלי־קליטה זענען רעדוצירט געוואָרן ביז אַ מינימום. נאָר די פרייד פון 8 טויזנט עולים פון דרום־אַמעריקע אין משך פון איין יאָר, ווערט צעשטערט מיטן געדאַנק, אַז זייער קומען אַהער איז אין רוב פאַלן אַ פועל־יוצא פון אויסערלעכע, אַנטיסעמיטישע גורמים – און נישט פון נאַציאָנאַל־וואָלונטערישן באַוווסטזיין... פונקט ווי עס גיט אַ סך שטאָף צו טראַכטן די אַנטשיידונג פון דער מערהייט יידן פון אַלזשיריע, וועלכע האָבן געמוזט עוקר זיין פון זייער לאַנד און גאָר באַזעצט זיך אין פראַנקרייך, פאַרבייטנדיק איין גלות אויפן צווייטן.

ווי גרויס דאַרף נאָך זיין די צוציִונגס־קראַפט פון אונדזער מדינה, כדי צו באַוועגן די יידן וואָס ווערן געצווונגען צו וואַנדער און איבערוואַנדער, זיי זאָלן זיך אומקערן אין אייגענעם לאַנד?

*

אויך היי־יאָר, וועט דער טראַדיציאָנעלער מיליטערישער פּאַראַד פון צה"ל דעמאָנסטרירן מאָדערנע מלחמה־כלים אויף דער יבשה, לופט און ים. נאָר דאָס מאָל – אין באר־שבע. ס'איז זיכער געווען אַ באַשלוס מיט אַ סך פּאָליטישער חכמה, וואָס די דעפילאַדע אין יום־העצמאות איז איבערגעפירט געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט פון נגב. דאָס אָרט און דער אַרמיי־אויפטריט וועלן דעמאָנסטרירן דעם ווונדערבאַרן זיווג פון זיכערקייט און בוי.

מיט אונדזער גאַנצער קעגנערשאַפט צו מלחמות און מיליטאַריזם, ווייסן מיר די אויפגאַבע וואָס ליגט אויף צבא ההגנה לישראל. ווייל פונקט ווי אויסערליש, אומנאַטירלעך און אָפן עס זענען די גרענעצן פון ישראל – אַזוי אויסטערליש, אומנאַטירלעך און אָפן־פרעך איז די שנאה פון אירע שכנים. די אַראַבישע הערשער האָבן נאָך אַלץ נישט משלים געווען מיטן קיום פון דער יידישער מדינה. עפנטלעכע דראָונגען גייען געפּאָרט מיט שטילע מיליטערישע צוגרייטונגען און מיט צינישע געווער־ליפערונגען מצד מאָסקווע, וואַשינגטאָן, לאָנדאָן און פראַג, מיט א צוגאָב פון מערב־דייטשע וויסנשאַפטלערס, וועלכע פאַרפולקאָמען אין קאַיר די ראַקעטעס "V1" און "V2". און אויב נאַצער רעדט אָפן וועגן אָפּלייגן דערווייל דעם פאַרמעסט מיט ישראל, איז עס נאָר אַ דאַנק דעם כוח פון צה"ל

די צייטונג פון דער פראַנצויזישער אַרמיי ("ל'אַרמעע") שאַצט די מצרישע באַוואָפנטע כוחות אויף 139 טויזנט זעלנער, אַריינגערעכנט 9 טויזנט פון דער אַוויאַציע און 10 טויזנט פון ים־פלאָט; איראַק – 74 טויזנט זעלנער, מיט 2 טויזנט פון לופט־פלאָט; סיריע און לבנון – 75 טויזנט סאָלדאַטן, אַריינגערעכנט 2 טויזנט פון לופט־פלאָט. אַנטקעגן דעם, שרייבט די צייטונג, פאַרמאָגט ישראל אין אַקטיוון מיליטער־דינסט 70 טויזנט זעלנער, 5 טויזנט אין דער אַוויאַציע און 3 טויזנט 500 אין ים־פלאָט. נאָר אין פאַל פון־קריג, קען ישראל מאָביליזירן אירע רעזערוויסטן אין דער צאָל פון אַ פערטל מיליאָן און צוניפשטעלן 16 פוסגייער־דיוויזיעס, 4 פּאַנצער־דיוויזיעס, 3 טויזנט קאַמפּס־עראָפּלאַנען, צוויי אונטערוואַסערשיפן, 2 פּאַרניכטונג־שיפן, 2 פרעגאַטעס.

היינט שטעלט זיך פאַר, וויפל עס קאָסט אָפּ אַלע צדדים דאָס אויסהאַלטן אַזעלכע אַרמייען. ווען די מיליטערישע בודזשעטן זאָלן פאַרווענדט ווערן אויף פּראָדוקטיווע צוועקן, צו הייבן דעם וווילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג, וואָלט דאָך דער גאַנצער ראַיאָן געווען אַ גן־עדן ביים לעבן. דערווייל האָבן די שכנים נישט מוותר געווען פון זייער קריגס־צושטאַנד מיט ישראל און אויסער זייער גרייטן זיך "צו דער ענטגילטיקער שלאַכט", פירן זיי מיט פאַרביסנקייט זייער עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און דיפּלאָמאַטישן חרם כלפי ישראל. דעריבער איז נאָך היינט, ווי מיט 16 יאָר צוריק, אַקטועל די ווענדונג אין דער "מגילת העצמאות":

"מיר שטרעקן אויס די האַנט פון שלום און גוטער שכנהשאַפט צו אַלע שכנותדיקע מדינות און זייערע פעלקער און רופן זיי צו צוזאַמענאַרבעט און קעגנזייטיקער הילף מיטן זעלבשטענדיקן און סוווערענעם פאָלק אין זיין לאַנד. מדינת ישראל איז גרייט צו געבן איר חלק אין געמיינזאַמען אָנשטרענג, צום פּראָגרעס פון גאַנצן מיטעלן מזרח..."

*

מיט 16 יאָר צוריק, נאָכן באַפרייען, האָט באר־שבע מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ נעבעכדיקן, פאַרלאָזטן ישוב, ספק דאָרף, ספק שטעטל. היינט איז די באַצייכענונג "הויפּטשטאָט פון נגב" ווי אָפּגעמאָסטן פאַר דער 60 טויזנט קעפּיקער שטאָט, וועמענס אַנטוויקלונג און אויפשטייג איז אויך דער סימן מובהק פאַר די אַנדערע שטעט און מושבות אין ישראל.

נישט נאָר שטעט האָבן געמאַכט פאָרשריט. נישטאָ קיין איין שטח אין ישראל, וואָס זאָל נישט דערציילן וועגן כסדרדיקן וווּקס אין דער לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, געזונטהייט, בילדונג און דערציונג. דער עקספּאָרט אין 1962 האָט באַטראָפן 280 מיליאָן דאָלאַר, אַנטקעגן 246 אין 1961 און 216 אין 1960. נאָר גלייכצייטיק איז געשטיגן דער אימפּאָרט, וועלכער האָט אין באַדייטנדיקע אונטערשיידן פאַרגרעסערט דעם דעפיציט אין האַנדלס־בילאַנסן: אין 1962 — 348 מיליאָן דאָלאַר, 1961 — 346, 1960 — 280. די עקספּאָרט־אימפּאָרט ציפערן פאַרן יאָר 1963 ווייזן אַן ענלעכע פּראָפּאָרץ.

די צאָל אַרבעטלאָזע איז געפאַלן און נעמט בעצם אַרום בלויז די וואָס באַזיצן נישט קיין פאַכן. אויך אין אַראַבישן סעקטאָר איז געוואַקסן די צאָל באַשעפטיקטע, די מאָדערנע מעדיצין און שולוועזן האָבן באַקומען אַ דריסת־הרגל אין אַראַבישן דאָרף. מע רעדט אויך וועגן באַזעצן סטאַביל אייניקע בעדווינער־שבטים.

מיט 84 מדינות זענען איינגעשטעלט געוואָרן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען און די פּראַקטישע הילף פון ישראל פאַר אַ ריי אַפריקאַנער לענדער, רופט אַרויס באַוווּנדערונג און אנערקענונג ביי פריינד — און ציין־קריצעניש און האַרץ־ווייטיק ביי שונאים.

*

צוגלייך מיטן אונטערשטרייכן די דערגרייכונגען, איז אונדזער חוב אויך ארויסצוברענגען די שאָטן־זייטן, טונקעלע פלעקן וואָס פאַרשטעלן דעם ליכטיק־בלויען הימל פון דער מדינה. די ממש קאָפּ־שווינדלערישע באַרייכערונג און דאָס יאָגן זיך נאָך לוקסוס און וווילטאָג, באַגלייט מיט אַ פאַרשטאַרקטן און אומגעצוימטן אָנגריף מצד די רעליגיעזע פּאַרטייען צו באַהערשן אונדזער עפנטלעך לעבן און אויפצווינגען אויך אויף דעם פרייען בירגער די תרי"ג מצוות, שטעלט אויך היינט אַוועק, ווי מיט 16 יאָר צוריק, די פראַגע: ווי אַזוי פאָרמירן אונדזער מלוכהש לעבן? זאָל דאָס זיין אַ רעזשים פון "2000 משפחות", מיט זייערע פאַרדאָרבענע מידות, וואָס וועלן געבן דעם טאָן אין לאַנד? וועט איבער אונדז הערשן דאָס שטריימל? אָדער וועט דאָס לאַנד אַרומגענומען ווערן מיט אַ חלוצישער אַטמאָספער און רעזשים, וואָס זאָל דער אויסגעליידיקטער יוגנט געבן אַ וועג און אַ ציל; וואָס זאָל זיכערן אַ מער יושרדיקע פאַרטיילונג פון די מאַטעריעלע גיטער און פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה; וואָס זאָל פאָרסירן דעם סאָציאַלן און קולטורעלן פאָרשריט פון די מזרח עדהס און זיכערן מער בירגערלעכע רעכט דער אַראַבישער מינדערהייט.

פונקט אַזוי איז אויך אויפן אויסערלעכן פראָנט נייטיק מער זעלבשטענדיקייט און אַ נייטראַליסטישע טענדענץ אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אינעם יידישן "יום העצמאות" מוז דערמאָנט ווערן, אַז 84 פּראָצענט פון אונדזער פאָלק איז נאָך צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. לאָמיר ווידער ציטירן אַ ווענדונג פון דער מגילת העצמאות מיט 16 יאָר צוריק, צו אונדזערע ברידער אין דער דיאַספּאָרע:

"מיר רופן דאָס יידישע פאָלק אין אַלע תפוצות צו קאָנסאָלידירן זיך אַרום דעם ישוב דורך עליה און בוי און שטיין אויף אונדזער זייט אין דעם גרויסן געראַנגל צו פאַרווירקלעכן די שטרעבונג פון דורות און גאולת ישראל."

אַוודאי זענען אונדז נייטיק עולים און הילף פון אונדזערע ברידער. אָבער נישט וויניקער איז פאַר זיי לעבנסוויכטיק מדינת ישראל. שוין־זשע דאַרף מען ווידער דערמאָנען, אַז צוואַנציק יאָר נאָכן היטלעריסטישן מבול אין אייראָפּע און נאָך 16 יאָר יידישע מדינה, זענען נאָך מעגלעך אַ ראָקוועל און דזשאָרדאַן אין אַמעריקע און ענגלאַנד, אַ נעאָ־נאַציזשע באַוועגונג אין מערב־דייטשלאַנד, אַ ״טאַקואַראַ״ אין אַרגענטינע, אַן אַנטיסעמיטישע בראָשור אין דער סאָוויעטישער אוקראַינע?!...

דעריבער וואָלט זיך שטאַרק געוואָלט אין 17טן יאָר פון מדינת ישראל, זוכה זיין צו אַ באַנייטער מאַסן־עליה פון אַלע לענדער און פון אַלע רעזשימען; זאָל דאָס זיין אַ יאָר פון אָנזעטיקן די פעלדער מיט דער וואַסער־מאַגיסטראַל — אָן אינצידענטן און שטערונגען; זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ רעגירונג מיט די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען אין צענטער; זאָלן מיר זוכה זיין צו אַ מער יושרדיקער פּאָליטיק אויפן געביט פון אַרבעטער־לוינען און שטייערן און צו אַ ״דערנענטערונג פון הערצער״ פון די פאַרשיידענע עדהס. און אחרון אחרון חביב — צו אַ פעסטן שלום מיט אונדזערע שכנים.

(י״ש ת״א, 8.4.64)

# צוויי אַנטפּלעקונגען

די טעמע און ציל פונעם לעצטן, יערלעכן אויספלוג פון קרן קיימת לישראל פאַר די יידיש־שרייבער און זשורנאַליסטן אין לאַנד איז געווען — ״פלאַן צו אַנטוויקלען דעם גליל״. און פונקט ווי מ׳איז געווען געפלעפט און אַנטציקט פון דער פּרעכטיקער לאַנדשאַפט אין גליל, א דאַנק דעם נאָענטן באַריר מיט דער ערד, מענטשן און אויפטוען אין אונדזער ״ווייטן צפון״ — אַזוי איבעראַשנדיק און ממש סענסאַציאָנעל האָבן זיך אויסגעוויזן די פאַרמעסטן און דערגרייכונגען פון קרן קיימת לישראל אפילו איצט, אין 17טן יאָר עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה. סיי די גליל־לאַנדשאַפט, מיט אירע נאָך רויע און ווילדע פּייזאַזשן און אירע בליענדיקע ישובים און פעלדער, סיי די אַרבעט פון קרן קיימת — זענען אפילו פאַר אַזעלכע געניטע און ״אַלץ־ווייסנדיקע״ יידן, ווי עס זענען פעדער־מענטשן — געווען צוויי אַנטפּלעקונגען.

**צי קענסטו דאָס לאַנד?**

די דאָזיקע פראַגע שווימט אַרויף מיט איר גאַנצער האַרבקייט, ווען בײַדע אויטאָבוסן לאָזן זיך אַוועק, ווייט נאָך עכו־נהריה, אויף זייטיקע, אומבאַקאַנטע וועגן, וועלכע שניידן אַדורך דעם טייל לאַנד וואָס הייסט צענטראַלער גליל (הגליל המרכזי). פונעם בלויזן אָנקוקן די געניג גרויסע שטחים, אָן אַ יידישן ישוב און פון די שפּעטערדיקע אויפקלערונגען בכתב און בעל־פּה, ווייזט זיך טאַקע אַרויס, אַז... מיר קענען נישט דאָס לאַנד.

איבער צוויי־דריטל פון גאַנץ מדינת ישראל איז מדבר און וויסטעניש — האָט דער צענטראַלער גליל זיין אָנזעעוודיקן חלק אין דער סטאַטיסטיק. פון זיין מיליאָן 50 טויזנט דונאַם, זענען בלויז 450 טויזנט דונאַם באַאַרבעט און באַוווינט.

און דער פּראָצענט־זאַץ פון דער יידישער באַפעלקערונג כלפּי דער אַראַבישער: 13 טויזנט יידן אַנטקעגן 137,232 אַראַבער. בעת דער נאַטירלעכער צוווּקס ביי די לעצטע איז 21.6% אַ יאָר — קומט ער אויס ביי יידן קוים 4.6%.

פאַראַן אין יענעם ראַיאָן ערטער, וועלכע זענען נאָך נישט באַטרעטן געוואָרן דורך אַ מענטשלעכן פוס. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט די רעגירונג באַשלאָסן צו באַפעלקערן דעם צענטראַלן גליל. אין דער ״מדינה אונטערוועגס״ און אין ערשטן יאָרצענדליק פון מדינת ישראל, פלעגן עס טאָן גרופּן חלוצים מיט אויפשטעלן קיבוצים און גרענעץ־פונקטן אין די פאַרוואָרפנסטע און געפערלעכסטע ערטער. די פּאָליטיש־סאָציאַלע אַנטוויקלונגען אין לאַנד האָבן אָבער נישט געשאַפן דעם גינסטיקן באָדן צו דערציען אַן אידעאַליסטישע יוגנט און צו פלעגן דעם גייסט פון

חלוציזם. היינט האָבן מיר ווינציק יוגנט, וועלכע זאָל אַוועק אויפן פּיאָנערישן וועג, דעראָבערן וויסטעגישן, פאַרלייגן ישובים און גרייט זיין צו פירן אַ קיבוצישן לעבנס־שטייגער. און אַזוי ווי אינעם פאַרוואָרלאָזטן צענטראַלן גליל האָט עמעץ געמוזט אַריינשטעלן אַ פוס – האָט די דאָזיקע שליחות גענומען אויף זיך דער קרן קיימת לישראל.

אַנטוויקלען די וויסטע געגנטן פון לאַנד – געהערט צום קרן קיימת. אַזוי איז בפירוש פאַרשריבן אינעם "טשאַרטער", וואָס איז אין יאָר 1960 געחתמעט געוואָרן צווישן דער דאָזיקער אינסטיטוציע און דער ישראל־רעגירונג. אָבער מערער פונעם פאָרמעלן הסכם און מאַנדאַט, האָט דער קרן קיימת אַלע היסטאָרישע, מאָראַלישע און א. ג. ציוניסטישע קוואַליפיקאַציעס צו פירן אַ מלחמה מיטן היגן מדבר.

אומקערנדיק זיך צום גלילדיקן מדבר, איז ער 50% באַדעקט מיט פעלזן און נאָך אַ 200 טויזנט דונאַם – מיט ווילדע געוויקסן. אויף "איינצופעדעמען" מיט די ערשטע אַרבעטן, אין פאַרלויף פון די ערשטע דריי יאָר, האָט מען באַדאַרפט אינוועסטירן 82 מיליאָן ל"י. פאַר דעם צוועק האָט דער קרן קיימת אַריינגעטראָגן זיינע 33 מיליאָן ל"י, דער קרן היסוד – 23 מיליאָן און דאָס בוי־ (אָדער וווינונג־) מיניסטעריום – 26 מיליאָן. (איך ברענג די דאָזיקע ציפערן פאַר יענע סקעפּטיקער און ציניקער אין לאַנד און אין אויסלאַנד, וועלכע פרעגן אָפט: "ווו קומען אַהין די קאַמפּיין־געלטער?").

**פון שטיינער — ביימער...**

וואָס טיפער די אויטאָבוסן שניידן זיך אַריין אין דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן, האַלב־וויסטן און בערגיקן לאַנד; וואָס מערער די אויפקלערונגען פונעם מדריך – ווערסטו מיטגעריסן מיט דער וויזיע און פאַרנעם פונעם מאָרגנדיקן צענטראַלן גליל. מע פּלאַנירט, מע רעדט און מע טוט שוין אויך – צו פאַרלייגן אין דעם העק 35 דערפער מיט 7 האַלב־שטאָטישע צענטערס, פּלאַנצן און זייען אַ סך פּלאַנטאַציעס, סעדער און גערטנער; פּאַשע־פעלדער פאַר גרויסע סטאַדעס שאָף און רינדער; פעלדער און וועלדער; פערמעס צו האָדעווען בעלי־חי פאַר פוטערוואַרג און פעל.

פאַרן דריטן, פערטן און ווייטערדיקן מיליאָן יידן גרייט מען אויך אין דעם ראַיאָן וווינונגען, באַשעפטיקונג, אַ קולטורעלן לעבנס־שטייגער. נאָר פאַר אַלעמען דאַרף מען אויסשטיינערן דעם באָדן, די וויסטע און האַרטע ערד ווייך מאַכן, זי זאָל זיין פעיק אַרויסצוגעבן פון זיך אַ גרעזל, אַ בלום, אַן אוגערקע, אַ ביימל. ווי זאָגט מען דאָרט: פון שטיינער – ביימער! גענוי וואָס דער קרן קיימת טוט איצט אין צענטראַלן גליל, ווי אין אַנדערע ערטער פון לאַנד.

דערווייל זעט זיך שוין ממשותדיק דער סקעלעט פון די דריי צענטערס – יודפּת, הר־חזון און בירנית, וואָס וועלן אַוודאי אין די נאָענטסטע יאָרן אַרויסגעריסן ווערן פון זייער איינזאַמקייט. אַרום די דריי מקומות האָט דער קרן קיימת "אַריינגעשטעלט אַ פוס" מיט זיינע מענטשן, טראַקטאָרס, בולדאָזערס, הייב־קראַנען, טריילערס, אויטאָס. אויך דאָ ווערט געטאָן מעשה בראשית פון אויסהאַקן דעם "שטיינער־דזשונגל", פּלאַסטערן שאָסייען אויף באַרג־אַראָפּהאַנגען און זיי פאַרפעסטיקן מיט שוץ־ווענט, מעליאָרירן און "טעראַסירן" דעם באַרגיקן באָדן, צושטעלן וואַסער, באַזאָרגן די ערשטע פּלאַנצונגען און אויפבויען די ערשטע בניינים אין די נייע ישובים.

דער קרן־קיימת האָט שוין זיין דערפאַרונג פון נגב, פון ירושלימער קאָרידאָר, פון אויסטרוקענען די חולה. אויב פון די 21 מיליאָן דונאַם באָדן פון מדינת ישראל, ווערן דאָך באַאַרבעט 4 מיליאָן – איז עס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם קק"ל. ביז דער מדינה, האָט די דאָזיקע אינסטיטוציע צוגעגרייט 45 טויזנט דונאַם, און פון 1948 ביז 1963 – 375 טויזנט דונאַם, דורכגעבראָכן ביי אַ 1,300 קילאָמעטער וועגן אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע און געפערלעכסטע ערטער. און אחרון אחרון – פאַרפּלאַנצט 70 (זיבעציק!) מיליאָן ביימער, צווישן זיי – צענדליקער טויזנטער עוקאַליפּטוסן, וועלכע האָבן אָפּגעשטעלט דאָס וואַנדערן פון די זאַמדן. מיט איין וואָרט – אַ בונט קעגן דער ישראלדיקער געאָגראַפיע!

די אלע פיינע און שיינע אויפטוען פון דער דאָזיקער פאַלקסטימלעכער און נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע, לאָזן נישט פונדעסטוועגן באַפרייען זיך פון אַ געפיל, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די 7000 אַרבעטער, וועלכע דער קרן־קיימת באַשעפטיקט, זענען נישט איינמאָל אויסגעשטעלט אויף ווילקירלעכע האַנדלונגען מצד דער לייטונג, באַקומען אַ נידעריקן לוין, געניסן נישט פון אַ סך סאָציאַלע דערגרייכונגען.

אָן ענלעך געפיל דערוועקט זיך ביי א צווייט פּראָבלעם, פאַרבונדן מיט די אַנטוויקלונג־אַרבעטן פון קק״ל: וועט מען ניט פאָדערן אמאָל צו פיל און אפילו אומנייטיקע קרבנות מצד דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין דעם ראַיאָן? איז פולשטענדיק געזיכערט, אַז מ׳וועט זיי ניט פאַרטרייבן פון זייערע ערטער, אָדער ״איינציען דעם פּאַסעק״ פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג? מיר גלייבן דעם קרן־קיימת, אַז אַנטוויקלען די געגנט, מיינט אויך א מזל־ברכה פאַר דער אַראַבישער מינדערהייט. נאָר זאָל די דאָזיקע ברכה ניט באַגלייט ווערן מיט שטילע קללות און הויכע פּראָטעסטן...

(י״ש ת״א, 29.7.64)

# אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל?

די צווייטע העלפט טאָג פונעם קרן־קיימת אויספלוג פאַר די יידיש־שרייבער און זשורנאַליסטן, האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאָרן אויף אַ וועג – אַ שרויפּנציער, וואָס שלענגלט זיך און דרייט זיך ביזן קיבוץ אדמית, העט־העט אַרויף, ווו עס ווערט ערשט געבוירן דער נייער שאָסיי פאַזע דער לבנונער גרענעץ. נאָכן אַרויפקומען אין דער הייך, עטעמט מען פרייער אָפּ, וואָס מ׳איז בשלום איבערגעקומען אַזאַ מסוכנדיקן וועג און די מחשבה באַפרייט זיך אויף צו כאַפּן אַ בליק צוריק...

**א פאַרגעסענער נאָמען און פאַרגעסענער אויפטו**

מיט 6 יאָר צוריק, אויף א הויכן באַרג אין גליל, אין דער גאָר נאָענטער שכנהשאַפט מיט לבנון און ממש ״טיר־אין־טיר״ מיט אַ ישראלדיקן בעדוינער־שבט, איז פאָרגעקומען די פייערונג פון אַרויפגיין אויפן באָדן פונעם 73טן קיבוץ פון השומר הצעיר – אַדמִית. כ׳האָב זיך דאַמאָלט אַוועקגעלאָזט צו דער שמחה פון אויפשטעלן נאָך אַ קיבוצישן פונקט אין אַזאַ העק און אויך דערפאַר, וואָס דער נייער ישוב האָט באַדאַרפט טראָגן דעם נאָמען פון מיין לערער און טייערן חבר יצחק יצחקי ז״ל. דער שלאַקס־רעגן האָט בשעתו געשטערט דער פייערונג, וועלכע האָט באַדאַרפט פאָרקומען אונטערן פרייען הימל, נאָר דער באַוווּסטזיין, אַז אין יאָר 1956 זענען נאָך פאַראַן אין לאַנד יוגנטלעכע וואָס גייען אין קיבוץ און דערצו נאָך אויף אַזאַ אָרט, האָט ווי צעטריבן די וואָלקנס אויפן הימל און דאָס שלעכטע געמיט צוליבן וועטער... אַוועקגעפאָרן איז מען פון אַדמִית מיטן געפיל, אַז נצח הקיבוץ לא ישקר – ס׳וועט אַוודאי זיין אַ המשך צו דעם אויפטו, הגם נישט אין אַזאַ טעמפּאָ און פאַרנעם ווי פריער.

דער־אָ אָפּטימיזם האָט זיך נישט באַרעכטיקט. אין פאַרלויף פון די זעקס יאָר, איז אין מדינת ישראל נישט אויפגעשטעלט געוואָרן קיין איין נייער קיבוצישער ישוב! פונקט ווי מען האָט פאַרגעסן צו האַלטן וואָרט בנוגע דעם נאָמען, אַזוי איז אויך ״פאַרגעסן״ געוואָרן, אַז אדמִית נייטיקט זיך אין נאָכפאָלגערס. מיר ווייסן ווער עס האָט געפּסלט יצחקיס נאָמען פאַרן קיבוץ אויף די בערג פון גליל – די רעגירונג־קאָמיסיע פאַר נעמען. פונקט אַזוי ווייסן מיר, אַז אויך דער רעזשים האָט נישט געפלעגט דעם חלוצישן אויפטו.

מילא, דער פאַרגעסענער יצחקי איז נאָך אַ האַלבע צרה, אָבער דער פאַרגעסענער אויפטו פון די אַדמִית־חברים מיט 6 יאָר צוריק, איז בלי ספק אַ האַרבע, נעגאַטיווע דערשיינונג. מעגלעך, אַז מע וועט געפינען אַן אַנדערע פאָרם צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אַן אנערקענטן און באַליבטן

אַרבעטער־טוער. צי וועלן זיך אָבער געפינען אַנדערע פּאָרמען פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, פאַר אַריבער־שפּרייזן דעם פון לאַנג פאַרפרוירענעם ציפער פון 225 קיבוצים – דאָס איז אַ צווייטע פראַגע.

... עס באַווייזט זיך אַ שילד מיט אַן אויפשריפט אַדמִית. אַלע זענען זיכער, אַז דאָ וועלן די אויטאָס זיך אָפּשטעלן, מע׳ וועט הערן אַן אינפאָרמאַציע פונעם געניטן באַריידעוודיקן מדריך וועגן דער געשיכטע, און דער עיקר – די קעגנוואַרט פון דעם דאָזיקן איזאָלירטן קיבוץ, וואָס קיין לבנון איז אים נענטער, ווי צו וועלכן ס׳איז יידישן ישוב אין דער מדינה. דער שאָפער שטעלט נישט אָפּ די מאַשין, אַדמִית ״איז נישט אין פּלאַן״. אויך קרן־קיימת האָט ״פאַרגעסן״ אין דעם אַדרעס...

ווערט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן: אַ פאַרגעסענער נאָמען, אַ פאַרגעסענער אויפטו, אַ פאַרגעסענער אַדרעס. איז אַדמִית טאַקע אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל?

**די שטילע גרענעץ**

נאָר לאַנג טראַכטן וועגן דעם – איז אוממעגלעך. מיר פאָרן לענגויס דער גרענעץ מיט אונדזער צפונדיקן שכן – לבנון. די לאַנדשאַפט אין יענער געגנט פון לאַנד קאָן פאַרכאַפּן. באַרג־און־טאָל און טאָל־און־באַרג האָבן שטענדיק געצויבערט דאָס אויג און אָנגעפולט מיט מוזע פּאָעטן און פּראָזאיקער. אויך די ווירקלעכקייט וועלכע דו זעסט איצט, איז דאָך לגמרי אַן אַנדערע ווי ביי די איבעריקע גרענעצן. ממש אַן אידיללע. אַ קליינקייט: דו פאָרסט אַ מעטער פינף פון דער גרענעץ, וואָס בלויז אויף געציילטע ערטער איז זי באַצייכנט מיט אַ ווייס־געקאַלכטער פּאַס, וואָס אַ מינדעסט ווינטל קען זי איבערקערן און אַוועק קאָלערן צו די לבנונער, אָדער אויף אונדזער זייט. קיין שום מיליטערישע באַגלייטונג פאָרט נישט מיט אונדזער אויספלוג, פּונקט ווי מע זעט נישט אויף אַ רפואה קיין איין באַוואָפנטן מאַן אויף יענער זייט. בלויז מעלה־גירהדיקע קי, עטלעכע שעפּסן און ציגן מיט זייערע פּאַסטעכער – לבנונער פּרויען מיט קינדער. אַ שטילע גרענעץ, ווי למשל, צווישן צוויי סקאַנדינאַווישע לענדער, אָדער צווישן שווייץ און איטאַליע – און נישט עפּעס אַ שטענדיקער צינד־פּונקט, ווי מיר זענען געוווינט אין די ראַיאָנען, וועלכע גרענעצן מיט אונדזערע שכנים.

– איר ווייסט ווער ס׳וועט זיין די צווייטע מדינה וועלכע וועט שליסן אַ שלום־אָפּמאַך מיט ישראל? – פרעגט מיך אַ קאָלעגע.

– צו דערגיין צו דער מדריגה פון אַ צווייטן, מוז דאָך קודם זיין אַן ערשטער – ענטפער איך.

– אין דעם באַשטייט טאַקע דער אומגליק, וואָס מיר ווייסן נישט וועלכער אַראַבישער הערשער וועט דער ערשטער צו אונדז אויסשטרעקן אַ פרידלעכע האַנט. נאָר ווי באַלד דאָס וועט געשען – איז לבנון די צווייטע אין דער ריי...

דעם דאָזיקע געדאַנק איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַ סך פריער. אין פאַרגלייך מיט די סירישע פּראָוואָקאַציעס און פורעניותן; אין אָנבליק פון נאַצערס ״פעדאיון״־באַנדיטן, וועלכע האָבן געררויבט און געמאָרדעט אין ישראל; אַנטקעגן די שאָסן מצד די לעגיאָנערן פון ירדן – איז לבנון דער שטילסטער און בעסטער שכן. אוודאי, אַז ביי אַזאַ נאָענטקייט, זענען אוממפאַרמיידלעך גרענעץ־איבערשרייטונגען אויף דער יבשה און ים, שמוגל און אפילו – שפּיאָנאַזש. נאָר אַלץ אין באַשטימטע ״נאָרמאַלע״ ראַמען, מיט אומקערן די פאַרבלאָנדזשעטע און מיטן פאַרענדיקן פרידלעך אַלע סיכסוכים, מיט דער הילף פון דער געמישטער וואַפנשטילשטאַנד־קאָמיסיע.

די זעלבע קאָמיסיע האָט דערפירט דערצו, אַז ביים פאַרלייגן דעם איצטיקן נייעם וועג לענגויס דער גרענעץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט מעכטיקע דינאַמיט־אויפרייסן אויף דער ישראלדיקער זייט, זאָל, חלילה, קיין איין שפּליטער פונעם אויפרייס־מאַטעריאַל צי פון אַ צעקרישלטן פעלזיקן ריז, נישט טרעפן אין אַ לבנונער קינד, אַ מוטער, אַ בהמה. אויב מען דאַרף איין טאָג אויפרייסן פעלזן – שטעקט מען אַריין אויף עטלעכע ערטער רויטע פענדלעך באַלד אין דער פרי. דאָס איז אַן אָנזאָג פאַר יענער זייט גרענעץ, אַז צווישן 1 און 2 באַטאָג וועט דינאַמיט צעזעצן שטיינער און די שכנים, זייט־זשע מוחל, דאַרפן זיך דאַמאָלט אָפּטראָגן... יעדן טאָג ווערן טויזנטער טאָן שטיינער

צעדריבלט און צעקרישלט, מען פֿאַרפּעסטיקט מיט זיי די זייטיקע אַראָפּהאַנגען פֿונעם נייעם שאָסיי. און פֿון דערווילדער רויערד, גרייט מען צו לאַנדווירטשאַפֿטלעכן באָדן. דאָ וועלן זיין סעדער, גערטנער, פֿעלדער און וועלדער. דאָ וועט אויסוואַקסן אַ ישוב. אָדמית וועט צו באַקומען יידישע שכנים, צו די נאָענטע שכנים זייערע, ווי עס זענען, ווי שוין דערמאָנט, אַ ישראלדיקער בעדואינער־שבט און די לבנונער.

אויף אַ הייך פֿון 700 מעטער איבערן ים־פֿלאַך, ממש פֿאַרן נאָז פֿון אַ פֿיינדלעכער מדינה, ווערט געלייגט אַ וועג און פֿאַרלייגט אַ נייער פּונקט. דאָ קומט פֿאָר דאָס "אויסראַזירן דעם שטח", דאָס פֿאַרוואַנדלען וויסטעניש אין אַ בליענדיק אָרט. אַזאַ קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט אין סאַמע פּאָזיציע זין, ווערט געטאָן אין ישראל אָן רעש און דעמאַגאָגיע מצד לבנון, ווי דאָס טוען די אַראַבישע מדינות אין שיכות מיט דער וואַסער־מאַגיסטראַל. מיר האָבן געזען אַ טייל פֿונעם וואַסער־ווערק און אויך באַוווּנדערט די מלחמה וואָס ווערט געפֿירט ביים אַרויסרייסן נאָך עטלעכע דונאַם באָדן פֿון דער ישראלדיקער ווילדעניש. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די אַלע אַרבעטן האָבן אויך זייער מיליטעריש־זיכערהייטלעכן אַספּעקט. אָבער שוין־זשע איז נישט מעגלעך, אַז אויך סיריע זאָל אנערקענען דעם פּרינציפּ פֿון אַ שטילער גרענעץ? אַז פֿון דער ירדנער זייט זאָלן נישט פֿאַלן קיין שאָסן? אַז מצרים זאָל אויפֿגעבן אירע פֿאַרניכטונג־פּלענער קעגן ישראל?

אויב אָדמית, ווי אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל, האָט עטוואָס קאַליע געמאַכט די גוטע שטימונג און געמיט, וואָס הערשט בדרך כלל אויף קאָלעקטיווע אויספֿלוגן – האָט דאָס צוקוקן זיך צום פֿאַרנעם און פֿאַרמעסט אויף די גליל־בערג, ביי דער שטילער הסכמה פֿון איינעם פֿון די צפֿונדיקע שכנים, געגעבן אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג, אַז אפֿשר וועט אויך די אַראַבישע שנאה זיין אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל; אפֿשר וועט מען זיך פֿאָרט אַמאָל צונויפֿריידן; אפֿשר וועט נאָך איינגעשטעלט ווערן אַ דויערנדיקער שלום צווישן ישראל און די אַראַבישער לענדער?

הלוואי!

(י"ש ת"א, 19.8.64)

# פֿאַרייביקונג דורך הילף

וויפֿל אויסדרוקן און פֿאָרמען פֿון יזכור האָבן מיר שוין נישט צוגעטראַכט? פֿון אַלטן יאָרצייט־ליכט נאָך א פֿאַרשטאָרבענעם טאַטן צי מאַמען – ביזן מאָנומענט פֿאַר די העלדישע געטאָ־אויפֿשטענדלער אין וואַרשע; אָדער נעמט די דענקמעלער־שטיינער מיט די אויסגעקריצטע נעמען פֿון געפֿאַלענע אין באַפֿרייונגס־קריג אין יאָר 1948; די הונדערטער יזכור־ביכער צו פֿאַרייביקן די פֿאַרטיליקטע יידישע קהילות; די גרויסע צאָל בנינים, אינסטיטוציעס, לערן־אַנשטאַלטן, שפּיטאָלן און אַמבולאַנסן מיט אויסגעמאָלענע נעמען פֿון פּערזענלעכקייטן און פּשוטע יידן, וואָס זייערע לעבעדיקע קרובים האָבן געוואָלט פֿאַרייביקן – אַלץ צוזאַמען באַווייזט, אַז דער פֿאָלקס־זכרון נאָך דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפֿע אין די יאָרן 1939 – 1945 איז נישט פֿאַרטעמפּט געוואָרן און אַז שטאַרק איז דער פֿאַרלאַנג פֿון יחידים אָנצוהאַלטן דאָס געדעכעניש נאָך א פֿאַרשטאָרבענעם קרוב. ווייל אויב נישט לאָזן פֿאַרגעסן – איז נאָר דורך פֿאַרייביקונג!

אָבער נישט קיין סך ווייסן, אַז צווישן די אַלטע און נייע עולים אין פּוילן, האָט זיך איינגעשטעלט א באַזונדערע פֿאָרם פֿון פֿאַרייביקן א נאָענטן מענטשן, וועלכער איז אוועק אויפֿן עולם־האמת מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אָדער געפֿאַלענע קדושים בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, צי גאָר (ביז 120!) פֿאַרדינסטפֿולע לעבעדיקע טוערס, וועמען מ׳וויל אויסדריקן אנערקענונג פֿאַר זייער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. מיר מיינען די סטיפּענדיע־אַקציע ביים פֿאַרבאַנד פֿון די עולים פֿון פּוילן אין ישראל (קרן מילגות של התאחדות עולי פולין), וואָס פֿירט שוין 5 יאָר צייט איר שטילע, באַשיידענע און נוצלעכע טעטיקייט, כדי העלפֿן אומפֿאַרמעגלעכע שילערס און סטודענטן אין זייערע לימודים.

*

ערשט די טעג איז אין תּל־אָבֿיבֿ פֿאָרגעקומען די דריטע, פֿייערלעכע און עפֿנטלעכע פֿאַרטיילונג פֿון קנאַפּע 70 סטיפּענדיעס, אויף אַן אַלגעמיינער סומע פֿון 20 טויזנט ל״י. אַ זיבן צענדליק תּלמידים, וועמענס עלטערן פֿאַרדינען נישט גענוג אויף צו צאָלן שכר־לימוד אין גימנאַזיע צי אין אוניווערסיטעט פֿאַר זייערס אַ גרעסטן קינד וואָס וויל לערנען — באַקומען פֿונעם פֿאָנד די נייטיקע פֿינאַנסיעלע שטיצע און מאָראַלישע דערמוטיקונג. כּל־זמן מיטעלע און העכערע בילדונג קאָסט אין ישׂראל געלט — און אַ סך געלט! — קאָן די מעגלעכקייט פֿון ווייטערער בילדונג צוגערויבט ווערן ביי יעדן קינד, וועמענס איינציקער ״חטא״ באַשטייט אין זיין... אָרעם. צו עפּעס העכערס פֿון דער פֿאָלקסשול, ווער אַזאַ שילער נישט גרייכן.

האָבן עטלעכע יחידים, אָרגאַניזאַציעס און קאָמיטעטן באַשלאָסן, אַז אַ מצבֿה אויפֿן בית־הקבֿרות, צי די פֿאָטאָגראַפֿיע אין פֿאַמיליע־אַלבום, זענען נאָך אַלץ ווינציק אויף איינצוהאַלטן אין זכּרון די געשטאַלט וואָס איז מער נישטאָ. מיט אַ קליינעם אָנשטרענג איז מעגלעך צו שאַפֿן אַ סומע געלט, וואָס זאָל זיכערן אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע יאָר אַ סטיפּענדיע (פֿון 300 ביז 500 ל״י) פֿאַר אַן אָרעם ייִדיש קינד. אַזאַ סטיפּענדיע טראָגט אַ נאָמען — צי נאָכן פֿאַרשטאָרבענעם, צי פֿון אַ פּערזענלעכקייט, וועלכע מ׳וויל באַערן ביים לעבן. די ספּעציעלע בראָשור פֿון די ״מענקי מילגות״ דערציילט טאַקע, אין די צוויי רשימות פֿון די סטיפּענדיסטן און פֿון די פֿאַראייביקטע — אַז מ׳האָט געטראָפֿן אין פּינטל: אי געהאָלפֿן לעבעדיקע, אי פֿאַראייביקט געשטאָרבענע.

*

ווער זענען די געניסערס פֿון די סטיפּענדיעס? קינדער געבאָרענע אין וואַרשע, לאָדזש, לובלין, פּלאָצק, סטאַניסלאַוואָוו, וולאָדאַווע, גאָרליץ, קאַטאָוויץ, שטשעטשין, פּויזן, דראָהאָביטש, סאַמבאָר, קעלץ, גראָדזשיסק, מיקולינצע, וווּיסלאַוויץ, טאַרנאָפּאָל, לענטשיץ, לידע, מעזריטש, ווילנע, ראַדאָם, קראָקע — און נאָך ערטער, וואָס זייערע נעמען רופֿן אַרויס ביי אַ פּוילישן ייִד אַ סך אַסאָציאַציעס. די סטיפּענדיע נומער 66 האָט באַקומען פֿעראַדזש מרים, געבאָרן אין יאָר 1950 אין... איראַק. זי לערנט איצט אין אַ גימנאַזיע אין באר־שבֿע.

ווייזט אויס, אַז דער קאָמיטעט (פֿאָרזיצערין — די טיכטיקע מעלאַ ראָטענשטרייך) האָט נישט שטאַרק אָפּגעהיטן די ״פּוילישקייט״ פֿון די סטיפּענדיעס און אויך אַן איראַקער ייִדישער טאָכטער דערמעגלעכט צו באַקומען מיטעלע בילדונג. אויף די לערן־אַנשטאַלטן ווו די סטיפּענדיסטן געפֿינען זיך, שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ פֿאַרביק בילד פֿון די ישׂראלדיקע מיטעלע און הויכע שולן: די אוניווערסיטעטן אין ירושלים און תּל־אָבֿיבֿ, דער חיפֿהער טעכניקום, די ירושלימער קונסט־שול ״בצלאל״, די פֿאַך־שולן פֿון ״אָרט״ און וויצ״אָ, דער אוניווערסיטעט ״בר־אילן״ אין רמת־גן, די פֿישער־שול מכמורת, די מוזיק־שולן אין ירושלים און תּל־אָבֿיבֿ, גימנאַזיעס און שולן פֿאַר באַאַמטע אין לוד, חולון, נתניה און באר־שבֿע. עס פֿעלן אויך נישט קיין צוויי ישיבֿות און די מוזיק־אַקאַדעמיע אין מילאַנאָ (איטאַליע).

די ״מאַפּע״ פֿון פּוילן, אין וועמענס שטעט די סטיפּענדיסטן זענען געבאָרן געוואָרן, אַנטשפּרעכט פֿולשטענדיק זייער איצטיקער ״מאַפּע״ אין ישׂראל. ווי זאָגט מען ביי אונדז: פֿון דן ביז אילת זענען ״צעוואָרפֿן״ די 67 שילערס און סטודענטן.

*

ווי דערציעריש פֿאַר דעם־אָ יונגן דור איז דער פֿאַקט, אַז די הילף וועלכע זיי באַקומען אין די לימודים, איז פֿאַרבונדן מיט אַ נאָמען, וועלכן מ׳האָט וואָס לענגער געוואָלט איינהאַלטן אין זכּרון, באַערן אים, ווייזן אויף דעם וועג מיט וועלכן עס דאַרף גיין דער נייער, אונטערוואַקסנדיקער דור.

די זיבן תּלמידים וואָס געניסן פֿון דער סטיפּענדיע אויף ד״ר קאָרטשאַקס נאָמען, וועלן אַוודאי זיך פֿאַראינטערעסירן מיט דער דאָזיקער נאָבעלער געשטאַלט פֿונעם דאָקטער, דערציער, שרייבער און הומאַניסט, וואָס האָט צום אומשלאַג־פּלאַץ אין געטאָ וואַרשע געשפּאַנט בראש פֿון זיין יתומים־הויז און געטרייסט די קינדערלעך, וועלכע זענען געגאַנגען אויף אומקום, צוזאַמען מיט זייער לערער־פֿאָטער. דער סטיפּענדיסט וואָס ווערט געניסן פֿון דער באַשטייערונג פֿון די עלטערן

וורדה און ד״ר ח״ים ריטערמאַן, צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון דער 20־יאָריקער טאָכטער, אריאלה, א סערזשאַנטין אין צה״ל, פון באַרוף א באַקטעריאָלאָגין, וועט אוודאי טראַכטן וועגן גורל פון יונג־פאַרשניטענע לעבנס און פריצייטיק גראָ־געוואָרענע טאַטע־מאַמעס... אפשר איז די סטיפּענדיע אויפן נאָמען פון ד״ר אברהם קערשמאַן ז״ל, באַקאַנטער לובלינער דאָקטער און געזעלשאַפטלעכער טוער, אַריינגעפאַלן צום איראַקער מיידל? דאָס וועט זי אוודאי צווינגען צו טראַכטן וועגן דער פּערזענלעכקייט פון דעם ״אשכנזישן״ ייִד. קלאָר, אז אזא דערשיינונג דערנענטערט נאָר הערצער, דערוועקט מערער פאַרשטענדעניש און אפילו ליבע פאַר אונדזער שווערן און פּראָבלעמאַטישן ״מיזוג גלויות״.

*

אין די יוגנט־יאָרן, האָט מען א ביסל געקרומט מיט דער נאָז אויף פילאַנטראָפּיע. מ׳האָט געהאַלטן, אז מיטן ענדערן דעם סאָציאַלן רעזשים, אָדער אים פאַרבעסערן, וועלן במילא געלייזט ווערן אַלע פראַגן פון נויט, אָרעמקייט, מעגלעכקייט פאַר בילדונג אדג״ל. היינט פאַרשטייען מיר, אז אפילו רייכע און מעכטיקע מלוכות, האָבן נישט געלייזט אבסאָלוט דאָס פּראָבלעם פון אומזיסטיקער בילדונג. גרויסע, ווי קליינע לענדער, האָבן ״גרעסערע זאָרג״: ווי אזוי זיך באַוואָפענען. מ׳האָט שוין פון לאַנג אויסגערעכנט, וויפל שול־קלאַסן עס וואָלט זיך געלאָזט אויפבויען פאַרן געלט וואָס א רעגירונג גיט אויס אויף א טאַנק און וויפל אוניווערסיטעטן אויסהאַלטן — אנשטאָט באַוואָפענען אַ לופט־עסקאַדריללע מיט ״דזשעט״־עראָפּלאַנען. היינט מאַכט א חשבון וויפל עס קאָסטן אָפּ די פּאָרש־אַרבעטן אַרום אטאָם־באָמבעס, געלענקטע ראַקעטעס, אַן עקספּעדיציע אין חלל, צי צו דער לבנה. און וואָסערע נוצלעכע אויפטוען וואָלטן זיך געלאָזן אַדורכפירן, אנשטאָט דעם שרעקלעכן באַוואָפענונגס־געיעג. נאָר כל־זמן דאָס ווערט נישט געטאָן — איז עטוואָס גרינגער אויפן האַרצן, אז אין תל־אביב האָבן עטלעכע פרויען (אין אַמאָליקן פוילישן שטעטל וואָלט מען זיי אוודאי באַצייכנט ״גבאיטעס״) גענומען אויף זיך דעם עול צו לינדערן די נויט פון אָרעמע שילערס. מיר זענען נאָך זייער ווייט פון צו געבן אומזיסטיקע בילדונג גימנאַזיסטן און סטודענטן — זאָל דעריבער קומען א ברכה אויף די, וואָס טוען אזא שיינע אין נוצלעכע אַרבעט פון דערמעגלעכן עטלעכע צענדליק קינדער נישט אַרויסצופאַלן פונעם קרייז פון לערנען זיך. די דערפאַרונג לערנט דאָך, אז גראָד די אָרעמע שילער, זענען די פּעיקסטע און פון זיי וואַקסן אַרויס געלערנטע, וויסנשאַפטלער, דענקער — מיט וועלכע דאָס פאָלק שטאָלצירט.

(י״ש ת״א, 12.1.66)

## סטודענטן, רבנים און ״קרגל״

1500 סטודענטן פון ירושלימער אוניווערסיטעט, פון לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַקולטעט אין רחובות און פון דער ״בצלאל״־שול, האָבן פאַרגאַנגע וואָך דעמאָנסטרירט איבער די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט, פאָדערנדיק ״בטל מאַכן די רעקאָמענדאַציעס פון דער אַגראַנאַט־קאָמיסיע וועגן העכערן דעם שכר־לימוד אין די ישׂראלדיקע הויכשולן״. דער גאַנצער פאַרלויף פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער דעמאָנסטראַציע, די זאַכלעכע און רויִקע געשפּרעכן מיטן פּרעמיער און בילדונג־מיניסטער, וואָס א דערלעגאַציע פון די דעמאָנסטרירנדיקע האָט געפירט, ווי אויך דער עצם שטילער פאַרלויף פון דעם פּראָטעסט (אויסער דאָס געשמאַקלאָזע, עפנטלעכע פאַרברענען דעם ״הארץ״, וואָס האָט געשריבן קעגן שטרייק) — און דאָס אָפּטימיסטישע פונאַנדערגיין זיך, טראָגן די נישט פאַרפליכטנדיקע צוזאָגן פון קאָמפּעטענטע פּערזאָנען — האָבן באַוויזן, אז דער דראַסטישער שריט פון די סטודענטן צו פאַרשטרייקן א טאָג די לימודים און אַרויסצוגיין אין גאַס, איז נישט דיקטירט פון סתם ברען, הע׳צע אָדער קאַפּריז — נאָר אז מיר האָבן דאָ פאַר זיך א גוט־דורכגעטראַכטן אַקט פון אָרגאַניזירטן, צילבאַוווּסטן קאַמף פאַר די עלעמענטאַרע רעכט אין א דעמאָקראַטישער מדינה: דערמעגלעכן דער יוגנט צו באַקומען בילדונג און וויסן, ברייט עפענען די

טויערן פון אונדזערע הויכשולן פאר די וואס ווילן דער מדינה צושטעלן די אזוי איר נייטיקע קאדערן פון אקאדעמיקער, וויסנשאפטלער, מעדיצינער, טעכניקער, אגראנאמען און קינסטלער.

אויב אפילו אַזאַ דעמאָנסטראַציע זאָל האָבן פּאָרגעקומען נישט אין שיכות מיטן העכערן דעם שכר־לימוד, וואָלט זי אָבער נייטיק געווען אפילו צוליב דער איינער אַנטפּלעקונג, וואָס די דעלעגאַציע האָט געמאַכט פאַרן פרעמיער: אז 85% פון די סטודענטן מוזן אַרבעטן, כדי זיך קאָנען אויסהאַלטן און באַצאָלן פאַרן לערנען, פאַר די ביכער, פאַר דער וווינונג און עסן. אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון זיי זענען שוין חתונה־געהאַטע אָדער אַרויס פון רשות פון די עלטערן און פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן. אויך דער הויכער עלטער פון דער אַקאַדעמישער יוגנט – פון 23 – 24 יאָר אָן און ווייטער, צווינגט זיי וואָס וויניקער צו פאלן צו לאַסט טאַטע־מאַמע. איצט, אַז עס קומט אַ קאָמיסיע וואָס לייגט פאָר צו העכערן דעם אַזוי אויך נישט נידעריקן שכר־לימוד מיט נאָך 140 ל״י אַ יאָר – איז שוין גאָרנישט שווער זיך פאָרצושטעלן די פאַרביטערונג פון די וואָס לעכצן נאָך וויסן און שטרעבן צו דעראָבערן דעם אַקאַדעמישן אַטעסטאַט.

אוודאי מוז מען נישט זיין קיין גרויסער ספּעציאַליסט אין פינאַנסן און אין עקאָנאָמיע, כדי צו פאַרשטיין, אַז מיר קאָנען זיך נאָך נישט דערלויבן לגמרי אומזיסטיקע בילדונג אין די הויכשולן. דערפאַר איז דער איצטיקער אָפּצאָל, הגם אַ גענוג שווערער פאַר די אומפאַרמעגלעכע סטודענטן אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט, אין חיפהער טעכניקום, אין לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַקולטעט אין רחובות, אין די אַקאַדעמישע אינסטיטוטן אין תל־אביב, אָנגענומען געוואָרן ווי אַ נויטווענדיק בייז מיט וועלכן מען האָט פיל־וויניק משלים געווען. אָבער צום אַלגעמיינעם קאראהאָד פון יקרות, וואָס האָט אַזוי אויך ארומגעשניטן דעם אָרעמען סטודענטישן בודזשעט, איז צוגעקומען די באַדייטנדיקע העכערונג פון שכר־לימוד. ביי די אומפאַרמעגלעכע שילערס איז דאָס אַ פ אַגע נישט נאָר פון נאָך עטלעכע פונט, נאָר פון בוכשטעבלעכן צעשטערן אַלע זייערע פּלענער און האָפענונגען אויף סטודיום. דערפאַר זייער אַנטשלאָסנקייט זיך קעגנצושטעלן דער נייער גזירה.

פאַראַן אָבער אויך אַ מאָראַלישער אַספּעקט פון דעם ענין. ביים ארויפלייגן נייע שטייערן אָדער לאַסטן באַשטימטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג, טענהט שטענדיק די רעגירונג, אַז אַזאַ שריט איז פאַרבונדן מיט דעפיציטן פון דער געגעבענער אינסטיטוציע, אָדער צוליב נייטיקע אינוועסטיציעס פאַר וווקס און אַנטוויקלונג. אַזוי ווי דער אוצר האָט נישט קיין געלט — זאָל צאָלן דאָס פאָלק. דעפאַר האָבן די דעמאָנסטרירנדיקע סטודענטן געפרעגט מיט רעכט: ריזיקע געלט־סומען אויף צו ראטעווען די ״מיליאָנערן פון קאַרטאָן״ – די פאַבריקאַנטן פון ״קרגל״ (״קאַרגאַל״), זענען יאָ פאַראַן – נאָר בלויז די עטלעכע פונט פאַר די סטודענטן פעלן אויס?

*

נאָר איידער מיר וועלן אַרומריידן דעם ענין ״קרגל״, איז כדאי איבערצוגעבן אַן אויסצוג פון דער כנסת־רעדע פון רעליגיעס־מיניסטער טאָלידאַנאָ, בעתן באַהאַנדלען דעם בודזשעט פון זיין מיניסטעריום. הרב טאָלידאַנאָ האָט איבערגעגעבן, אַז דאָס פינאַנס־מיניסטעריום האָט מסכים געווען אויסצוטיילן 130 טויזנט ל״י, כדי שוין איצט העכערן דעם לוין פון די רבנים אין די מושבים און עולים־שטעטלעך. אמת, דער לוין פון די דאָזיקע רבנים איז טאַקע געווען אַ נידעריקער, ממש ווי פון אַ דחק־אַרבעטער – פון 60 ביז 80 ל״י אַ חודש. און הגם אַזאַ רב האָט גאַנץ אָנגעזעענע זייטיקע הכנסות וואָס דרינגען אַרויס פון זיין אַמט און דערפילטע פונקציעס, איז אָבער דער גרונטלוין אַן און פאַר זיך אַ קליינער. מיר ווייסן אָבער, ווי דאָס זעלבע פינאַנס־מיניסטעריום הייבט אויף אַן אַלאַרם, ווען עס שווימט אַרויף די פראַגע צו דערלייגן אַ באמת דיסקרימינירטן און אין לוין באַעוולהטן סעקטאָר אין אונדזער ווירטשאַפט. לוי אשכול און זיינע וואָרטזאָגער שרעקן מיט ״חורבן פון דער מדינה״, אינפלאַציע, יקרות און נייע שטייערן, אויב מען וועט די וויניק־פאַרדינענדיקע העכערן דעם געהאַלט. נאָר אַז ס'איז געקומען צו די פענסיעס פון די רבנים, איז שאַ־שטיל דערגרייכט געוואָרן אַ הסכם. די אָרעמע מלוכה־קאַסע האָט שנעל געפונען די 130 טויזנט ל״י צו פאַרגרעסערן דעם רבנים־לוין ביז 200 – 300 ל״י אַ חודש. ביי אַזאַ צוגאַנג און

פּאָליטיק מצד דעם פינאַנס־מיניסטעריום ווערט קלאָר, אַז זיינע תירוצים ״נישטאָ קיין געלד״, זענען אָפּטמאָל נישט מער ווי פּוסטע אויסריידן, צו וועלכע מען קאָן זיך נישט באַציִען ערנסט און מיטן פולן צוטרוי.

*

דער פאַל מיט די רבנים איז נישט קיין פאַראיינצלטער. נישט אומזיסט האָבן די סטודענטן געפרעגט מכוח דעם האַלבן מיליאָן ל״י פאַר ״קרגל״, וואָס די רעגירונג איז גרייט שוין אויסצוטיילן פאַר אַן אונטערנעמונג, וועמענס פינאַנסן האָבן זיך אַ טרייסל געגעבן, טראָץ דעם וואָס דאָס מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע האָט נאָר פריער אינוועסטירט שווערע מיליאָנען אין דער זעלבער פּריוואַטער אונטערנעמונג.

סעם דובינער, איינער פון די הויפּט־שותּפים און גרינדער פון דער פאַבריק פון קאַרטאָן־פאַרפּאַקונגען ״קרגל״, איז דורך די ריטער פון אונדער פּריוואַטער איניציאַטיוו און דורך די עקאָנאָמישע מיניסטעריומס, וואָס שטייען איין אין מפא״ישע הענט, געשטעלט געוואָרן ווי א מוסטער פון שווּנג, איניציאַטיוו און ברייטן פאַרנעם אין אונדזער אינדוסטריע. די קאַרטאָן־שאַכטלען פון ״קרגל״ האָבן נישט נאָר באַהערשט דעם אינערלעכן מאַרק פון פאַרפּאַקונג, נאָר אויך אריינגערדינגען אין פיל לענדער פון אייראָפּע, אַפריקע און אַזיע. די ריזיקע רעקלאַמעס אין דער פּרעסע אויפן עכט־אַמעריקאַנער שטייגער, דאָס אויפשטעלן אַ צווייטע פאַבריק (״קרגל״ ב׳) אין לוד, די ווייטערדיקע פּלענער פון עקספּאַנסיע און וווּקס, האָבן געשאַפן דעם רושם, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ גלענצנד פּראָספּערירנדיק געשעפט. און מיטאַמאָל — דער קראַך. די דאָזיקע בליענדיקע אונטערנעמונג ווענדעט זיך צו אירע בעל־חובות וועגן פּראָלאָנגירן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט די צאָלונגען, זי רעגולירט נישט די אַרבעטער דעם לוין פאַרן לעצטן חודש און דראָט מיט שליסן אירע אונטערנעמונגען, אויב עס וועט נישט קומען קיין באַלדיקע הילף. ווי דער שטייגער, זענען ווידער די עטלעכע הונדערט אַרבעטער פון ״קרגל״ אין בני־ברק און לוד דער ערשטער קרבן פון פאַבריקאַנטישע מאַכינאַציעס (אויב ניט שאַנטאַזש) אַרויסצובאַקומען די נייטיקע מיליאָנען. מיר ווייסן נישט גענוי אין וועלכער מאָס עס איז באַגרענעצט געוואָרן דאָס לוקסוס־אַרטיקע און אפילו פאַרשווענדערישע לעבן פון די ״קרגל״־אייגנטימער אין דער צייט פון קריזיס — אָבער די אַרבעטער פון ביידע פאַבריקן פילן אים שוין אויף זייער הויט, מיט אַ צולאָג פון אַ טרויעריקער פּערספּעקטיוו אינגאַנצן צו פאַרלירן דעם אַרבעט־פּלאַץ און דעם ביסן ברויט.

דער האַנדלס־מיניסטער איז דער ערשטער וואָס טראָגט אונטער הילף פאַר סעם דובינער. אויף שנעל האָט ער געפונען דעם ערשטן האַלבן מיליאָן רעגירונגס־געלטער אריינצולייגן אין א קאָנסאָרציום, אַ מין אויפזיכט־ראַט פון עטלעכע בענק, וואָס זאָלן מיט זייער צווייטן האַלבן מיליאָן דערמעגלעכן ״קרגל״ אַרויסקריכן פון די קלאָפּאָטן.

קאָן זיין, אַז אין די טעג וועט מען זוכה זיין צו אַ קאָמפּעטענטער אויפקלערונג פון פּ. ספּיר, דעם מיניסטער פאַר האַנדל און וויפל האָט אַריינגעטראָגן דער בעל־דבר אַליין — סעם דובינער, ווי אויך בנוגע די סיבות פון די פינאַנסיעלע.

*

זאָל דער ענטפער זיין ווי ער וועט זיין, איינס איז קלאָר: פאַראַן עפּעס אַ קאָנסעקווענטע פאָלגלעכקייט און ענגער צוזאַמענהאַנג צווישן דער דעמאָנסטראַציע פון סטודענטן וואָס ווילן נישט צאָלן מערער ווי ביז איצט פאַר שכר־לימוד; צווישן דער שנעל־דערגרייכטער לוין־העכערונג פאַר רבנים, אָן דעמאָנסטראַציעס, פּאַרש־קאָמיסיעס, שטרייקן און קעגנזייטיקע דראָונגען; און צווישן דער גרייטקייט פון געוויסע מיניסטעריומס אַנטקעגנצוטראָגן נאָך אַ האַלבן מיליאָן פאַר אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג, וואָס בלויז צוליב איר שלעכטער פירונג, איז זי אַריין אין אַ קריזיס.

דער פאַל סטודענטן, רבנים און ״קרגל״ האָט נאָכאַמאָל באַוויזן אויף וועלכער ליניע עס גייט די מערהייט פון דער איצטיקער רעגירונג — אַ ליניע וואָס לאָזט זיך פאָרמולירן אין איין זאַץ: באַעוולהן די באַעוולהטע און פּריווילעגירן די פּריווילעגירטע.

(י״ש ת״א)

# אויף די לעבעדיקע ווילן רו...

"לאָזט רואיק שטאַרבן אין דעם דאָזיקן לאַנד" — האָבן צעהיצט־לײדנשאַפטלעך געשריען אַ טויזנט פרומע דעמאָנסטראַנטן אין רחובות, װען זײ האָבן פּאָריקע װאָך, אין אַ רעגנדיקן אָװנט, פּראָטעסטירט קעגן דער "מגיפה" פון פּאַלמעסן נאָכן טויט, צוליב מעדיצינישע אָדער פּאָליצײיִאישע טעמים, װײל דער "געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט צו פאַרטײדיקן דעם כבוד פון מענטש" האָט באַשלאָסן פּרוּװן זײַן השפעה און כוח אויך אין דער שטאָט, װוּ עס געפינט זיך דער װעלט־באַרימטער װײצמאַן־אינסטיטוט — דער היכל פאַר מאָדערנער װיסנשאַפט און טעכניש־ציװיליזאַטאָרישע דערגרײכונגען. אַזוי אַרום איז בולט געקומען צום אויסדרוק, אויפן באָדן פון רחובות, דער טראַגישער קאָנפליקט צװישן דעם נעכטן און הײַנט אין דער אויפגערי̇כטער יידישער מדינה, דער קאַמף צװישן צוריקגעשטאַנענעם און פּאָרגעשריטענעם, צװישן חושך און אור...

נאָך מיט 60 יאָר צוריק, האָט דער גרויסער יצחק־לייבוש פּרץ געפרעגט: "װאָס װילט איר, איר חומש־מיט־רש"י־יידן — דרײען די רעדער אויף צוריק, פאַרהאַלטן דעם הײַנטיקן טאָג?" די זעלבע שאלה (אָבער נישט אויפן אַדרעס פון די פשוטע, ערלעכע, גלויביקע יידן) דאַרף געשטעלט װערן די רבנים, ראשי־ישיבות, דעם רעליגיעס־מיניסטער און אַנדערע תורה־אויטאָריטעטן אין ישׂראל, אין שיכות מיט זײער פאַנאַטיש־װילדן, אומגעצוימטן און אומפּאַראַנטװאָרטלעכן קאַמף אויפצוצװינגען די תרי"ג מצוות אויף די, װאָס װילן ניט טראָגן דעם דאָזיקן עול...

דער װיכוח צװישן מאמינים און אַפּיקורסים אין ישׂראל איז ניט אויפן טעאָלאָגישן, צי אידעאָלאָגישן באָדן — נאָר אויפן רײן־מענטשלעכן, דעמאָקראַטישן. די גרויסע, האַרבע פראַגע "איז פּאַראַן אַ גאָט אין הימל — צי נישט"? — איז ניט הײַנט די עיקרדיקע טעמע פון געשפּרעכן צװישן די "באַבערדלטע־און־באַשטרײמלטע" מיט די פרײַע, װעלטלעכע יידן. דאָס פּראָבלעם איז קודם־כל פון פרידלעכער קאָ־עקזיסטענץ צװישן בײדע טײלן פון דער באַפעלקערונג; אַז אײן צד זאָל ניט מיטן כוח פון געזעץ, מיט די שטײנער פון די נטורי־קרתא און מיט די פעטש פון רעליגיעזע פאַנאַטיקער, אויפצװינגען צו דאַװענען, נעמען חופּה־וקידושין נאָר בײם רב, ניט פאָרן אין שבת מיטן אויטאָבוס און באַן — יענע אײַנװוינער אין ישׂראל, װעלכע האָבן צוליב פאַרשײדענע סיבות זיך דערװײטערט פון שולחן ערוך.

אויף דער לאָזונג פון קאָמיטעט "לאָזט רואיק שטאַרבן אין לאַנד" דאַרף קומען אַ מעכטיקער ענטפער פון די ניט־רעליגיעזע:

— לאָזט רואיק לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד!

*

װײל דער אמת איז דער, אַז דער רוב מנין ובנין פון די העכער 2 מיליאָן ישׂראל־בירגער, איז קעגן רעליגיעזן צװאַנג, קעגן אָנװאַרפן אַ לעבנס־שטײגער פון פאַרצײטנס, קעגן באַרויבן די פרײהײט פון פּרט בנוגע אמונה, פאַמיליע־לעבן און פירעכצן. בײ אַ 15% װײלער בערך האָבן בײ אַלע כנסת־װאַלן אָפּגעגעבן זײערע שטימען פאַר די אויסגעשפּראָכן רעליגיעזע פּאַרטײען, בעת 85% האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט יענע כוחות, װאָס זענען װײט פון אידענטיפיצירן זיך מיט אַלע דינים און זײ פאַרװאַנדלען אין אַ פאָן אין זײער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן קאַמף. װילן טאַקע די־אָ פופצן פּראָצענט, אין נאָמען פון שוין אָפּגעשטאָרבענע באַגריפן און טויטע מענטשן, אויפצװינגען זײער מענטאַליטעט און שטײגער דעם לעבעדיקסטן און גרעסטן טײל פון פאָלק?

צוריק געשמועסט, איז דער קלער אין מדינת ישׂראל לגמרי נישט באַװוּלהט. די אָבליגאַטאָרישע כשרות אין מיליטער, אויף די ישׂראלדיקע שיפן און עראָפּלאַנען, אין די̇ האָטעלן, שולן, יתומים־און קינדער־הײזער, האָט נישט נאָר "רעגולירט די שפּײז־קאַרטע" פונעם ניט פרומען זעלנער און פאַסאַזשיר, נאָר קודם־כל באַזאָרגט מיט פּרנסה ברײוח אַ גאַנצע אַרמײ פון

משגיחים. די רעליגיעזע ראַטן אין יעדער שטאָט און שטעטל, וועלכע דאַרפן זאָרגן פאַר די הצטרכותן פון די גלויביקע יידן, דיספאָנירן מיט ריזיקע מלוכהשע און מוניציפאַלע בודזשעטן, אָן אַ לייטישער קאָנטראָל — ביי אַן אויפגעבלאָזענעם אַפּאַראַט פון כלי־קודש. שולן, ישיבות און מאָדערניזירטע חדרים (פונעם רעליגיעזן שולוועזן) וואַקסן דאָ ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. קאָאַליציע־אינטערעסן האָבן דערפירט דערצו, אַז דאָס פאַמיליע־לעבן פון בירגער, ווי: חתונות, גטן, פאַספּאָרט און מעטריקע, אַלימענטן אדג״ל, איז איבערגעגעבן געוואָרן די רבנים. צוליב זיי האָט מען פאַרבאָטן די עפנטלעכע קאָמוניקאַציע אין די שבתים און יום־טובים; צוליב זיי טאָר מען ניט פרייטיק־צו־נאַכטס שפּילן טעאַטער, אָפן האַלטן די קינאָס און רעסטאָראַנען (דאַקעגן זענען די נאַכט־לאָקאַלן, מיט און אָן סטריפּטיז, צוגענגלעך פאַר כל דכפין, וועלכער האָט נאָר דערצו די נייטיקע פאָר פונט). די חברה קדישאס אויף יידישע בית־עלמינס אין ישראל זענען ביז גאָר זעלבסטהערשעריש און זעלבשטענדיק. זיי צענזורירן אַפילו יעדע אויפשריפט אויף אַ מצבה. און דעם צעטל קאָן מען ציען און ציען — אָן אַ סוף.

אין דעם דאָזיקן ים פון אויפגעצוווּנגענער פרומקייט, איז נאָך פאַראַן אַ ״יידישע אויטאָנאָמע רעפּובליק״ — דער באַרימטער קוואַרטאַל מאה שערים אין ירושלים, ווו די נטורי־קרתא געניסן פון אַ באַזונדערן מעמד. ביז היינט־צו־טאָג האָבן זיי נאָך נישט אָנערקענט די יידישע מדינה, אירע אינסטאַנצן, געזעצן — און זייערע קול־קוראס אויף די ווענט פון ישראלס הויפּטשטאָט, פּונקט ווי די מעמאָראַנדומס אין אונ״אָ און צו פרעמדע פאַקטאָרן, זענען פול מיט שנאה און פאָראורטייל כלפי מדינת ישראל. נאָר אַ מאָדנע זאַך: קיינער האָט זיי נישט פאָרגעוואָרפן אַנטי־מלוכהשע טעטיקייט און צו. זייערע שטורמישע דעמאָנסטראַציעס, באַגלייט אָפטמאָל מיט שפיכת דמים, באַציט זיך אונדזער פאָליציי, בדרך כלל, מיט... ויידענע הענטשקעס. די גומי־שטעקנס ווערן דער עיקר באַנוצט, ווען סטודענטן, צי אינוואַלידן מיט געוועזענע קאַצעטלערס דעמאָנסטרירן קעגן אַ געוועזענעם אָפיציר פון היטלערס אַרמיי, אָדער קעגן שטרייקנדיקע אַרבעטער...

*

אויף וויפל אונדזערע רבנים זענען פול מיט איניציאַטיוו, אַגרעסיוו און קאָמפּראָמיסלאָז בנוגע עניינים פון דער הלכה און פון אָפּהיטן פאַרצייטישע, פאַרעלטערטע געזעצן — אַזוי זענען זיי שטילשווייגנדיק און הכנעהדיק צו די האַרבסטע סאָציאַלע פּראָבלעמען, דערשיינונגען און קאָנפליקטן אין לאַנד.

מיט אַ חודש פריער פאַר דער דעמאָנסטראַציע אין רחובות, איז פאָרגעקומען עפּעס ענלעכס, נאָר אין אַ גרעסערן און מער שטורמישן פאַרנעם, אין דעם אָרעמען, פאַרוואָרלאָזטן תל־אביבער קוואַרטאַל — שכונת התקווה. דאָ האָבן ביי אַ 3 טויזנט אַלטע לייט און אונטערגעהעצטע יוגנט, דעמאָנסטרירנדיק קעגן ״אָפּעראַציעס נאָכן טויט״, זיך אַ לאָז געגעבן צו דעמאָלירן די שטאָטישע אינפאָרמאַציע־ביוראָ, אַ באַנק, פאַרשטעלט דעם הויפּט־שאָסיי, באַוואָרפן מיט שטיינער אויטאָבוסן און פּריוואַטע אויטאָס. פאַרן כלומרשטן כבוד פון די טויטע — איז געווען לעבעדיק אין שטעטל. אַ גליק, וואָס מ׳איז אָפּגעקומען אָן מענטשלעכע קרבנות, וועלכע מען וואָלט, אגב, אין אַזאַ פאַל, באַדאַרפט פאַלמעסן, כדי פעסטשטעלן די סיבה פון טויט... ס׳איז ניט קיין סוד, אַז שכונת התקווה געהערט צו יענע פעריפעריעס פון דער גרעסטער ישראלדיקער שטאָט, ווו נויט און אָפּגעלאָזנקייט זענען שטאַרק פאַרבירגערט. און דאָרט ווו נויט — איז אויך פאַראַן אַ גינסטיקער באָדן פאַר כלערליי פאַרברעכנס. נאָר קעגן די צוויי סימפּטאָמאַטישע דערשיינונגען אין שכונת התקווה — אָרעמקייט און הפקרות — האָבן די רבנים קיין איין מאָל ניט גערופן צו דעמאָנסטרירן, ניט פונאַנדערגעקלעפּט קיין אויפרופן, ניט געשיקט וועמען דרשנען אין דער גרויסער צאָל שולן און שטיבלעך. פּונקט ווי זיי אינטערעסירט ניט לגמרי דער מאַטעריעלער צושטאַנד פון אַ דחק־אַרבעטער אין שעריים (אויך אַ קוואַרטאַל אין רחובות), צי פון דעם אַרבעטלאָזן אין קרית־גת, צי פון דעם הונגער־שטרייקנדיקן פּאָרט־אַרבעטער אין אשדוד. אויף דעם פראָנט זענען די רבנים גרייט אין גאַנצן מוותר זיין, זאָל זיך דאָס רעדל דרייען ווי עס וויל. ווער מיר אַ הונגעריק קינד אין

בית־שאן, אַן עלנטע קראַנקע פרוי אין דימונה, אַ טאַטע פון צען קינדער, וועמען מ׳האָט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט; וואָס מיר די איבערפולטע איצט תפיסות אין ישראל, די דעמאָראַליזאַציע און קאָרופּציע צווישן אָנגעזעענע קרייזן און דער ניהיליזם, ציניזם און די כסדר שטייגנדיקע פאַרברעכערישקייט ביי דער יוגנט? אָט־אָ־די אַלע, באמת הימל־שרייענדיקע פּראָבלעמען פונעם דור און פון דער מדינה, זענען ניט פאַר די געלערנטע, רבנישע קעפּ... זיי האָבן גאָר אַנדערע זאָרג. וועלכע?

מיט 2 וואָכן צוריק איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַן אויסעראָרדנטלעכער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון 700 גדולי התורה – רבנים, ראשי־ישיבות און אַנדערע רעליגיעזע אויטאָריטעטן. אין אַ צייט ווען די אַרבעטלאָזיקייט האַלט אין איין שטייגן, די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז אַ צעטרייסלטע און מינעס ביי די גרענעצן מיט סיריע און ירדן הערן ניט אויף זיך אויפצורייסן– האָט דער רבנישער צוזאַמענפאָר זיך פאַרנומען מיט אַזעלכע ענינים ווי פּאַלמעסן טויטע, שטאַרקן די געבורטן (קעגן אַבאָרטן!) און די טעטיקייט פון די מיסיאָנערן.

ס׳איז ניט קיין סוד, אַז אין מדינת ישראל האָבן די רעליגיעזע זיך באַוואָרנט פון אַלע זייטן, אַז אָפּעראַציעס נאָכן טויט זאָלן דורכגעפירט ווערן אין זעלטענע אויסנאַם־פאַלן, פאַר די אויסשליסלעכע באַדערפענישן פון דער מעדיצינישער יוסטיץ, צי פאַר דער מעדיצין גופא. אויך איז דאָס פּאַלמעסן אַ געשטאָרבענעם אָפּהענגיק פון דער הסכמה פון די לעבעדיקע קרובים. טאָ וואָס־זשע איז איצט דער רעש און טומל וועגן דעם? איז דען פאַראַן אַ "פאַרשאַרפטער קורס" אויף דעם געביט? כאַפּן זיך דען אונדזערע דאָקטוירים צום כירורגישן מעסער, אָן אַ באַדערפעניש? פאַראַן וועגן דעם אַלעמען גענויע תקנות, וועלכע ווערן אָפּגעהיטן אין די שפּיטאָלן, קליניקס, אוניווערסיטעטן. קיין פאַרערגערונג איז ניט פאָרגעקומען. אָבער אונדזערע רבנים שרייען "קאַראַול!", און דאָס סאַמע ערגסטע, מיאוסטע און געפערלעכסטע איז דער פאַקט, אַז דער "געזועלשאַפטלעכער קאָמיטעט", געשאַפן דורך רבנים און פּאָליטיקאַנער וועלכע גלאָצן מיט די אויגן צום הימל, פירט זיין פּראָפּאַגאַנדע מיט בפירושע אָנצוגעהערענישן, אַז די טויטע וואָס מען אָפּעריירט, געהערן צו די מזרח־עדהס, בעת די אשכנזישע מתים, כמעט ווי מען טשעפּעט נישט... איז ניט קיין ווונדער, וואָס די דעמאָנסטראַנטן אין רחובות האָבן זיך געלאָזט אויפן קאַפּלאַן־שפּיטאָל, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק דעמאָלירט געוואָרן פון אונטערגעהעצטע איינוווינערס פון מושב רווחה, וועלכע האָבן ביי דער געלעגנהייט צעשלאָגן אויך דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס דערפאַר וואָס מ׳האָט געפּאַלמעסט זייערן אַ מת; און די דעמאָנסטראַנטן אין שכונת התקווה האָבן זיך געלאָזט ווילגיין איבער שטאָטישע און פּריוואַטע אינסטיטוציעס, קאָמוניקאַציע־מיטלען, פּאָליציאַנטן און סתם אומשולדיקע פאַרבייגייער.

אויך ווילן די רבנים, אַז דאָס פאָלק ישראל אין מדינת ישראל זאָל וואָס מערער... קינדלען. ניט דערפאַר ווייל מיט דער אויסערלעכער עליה האַלט לעצטנס אַ ביסל שמאָל און מען דאַרף פאַרגרעסערן די אינערלעכע עליה; אויך נישט דערפאַר, אַז די מדינה זאָל צו באַקומען נאָך און נאָך יידישע קינדער. זייער מאָטיוו איז בלויז דער פּסוק פון "פרו ורבו" – מער אינטערעסירט זיי נישט.

בנוגע דער מיסיאָנערישער טעטיקייט, קאָנען מיר אין געוויסע פונקטן מסכים זיין מיט די רבנים. אָבער אין ירושלים האָט זיך געהערט די פאָדערונג פון בכלל פאַרווערן די מיסיאָנערן צו פאַנגען נשמות... היינט שטעלט זיך פאַר, ווי ס׳וואָלט אויפגענומען געוואָרן אין דער וועלט אַזאַ אַנטי־דעמאָקראַטישער פאַרבאָט. ווייל אויב יידן, אין די העכער הונדערט לענדער פון זייער צעשפּרייטקייט, פאָדערן פאַר זיך רעליגיעזע טאָלעראַנץ און פרייהייט פון רעליגיעזן קולט – טאָ פאַר וואָס זאָל די יידישע, דעמאָקראַטישע מדינה פאַרווערן דאָס אייגענע ביי זיך?

שוין די העכסטע צייט, אַז אונדזערע רבנים זאָלן אויפהערן זיך קלאַמערן אין די פאַרצייטישע, פאַרגליווערטע און שטייפע דינים און חוקים – און אַרויסווייזן אַ ביסל עלאַסטישקייט און חכמה זיך צוצופּאַסן צום היינטצייטיקן לעבן!

און אחרון אחרון — לאָזן די פרייע, וועלטלעכע יידן, זיך אויסלעבן לויט זייער געוויסן, איבערצייגונג און שטייגער, פּונקט ווי די ניט־גלויביקע דאַרפן האָבן אַ סך איינזען און פאַרשטענדעניש פאַר די וואָס ווילן אָפּהיטן טראַדיציאָנעלע יידישקייט און ערלעך דינען דעם הקדוש־ברוך־הוא. יידן האָבן אין זייער דורות לאַנגער געשיכטע אַ סך געליטן פון אַנטי־רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען, רדיפות און אינקוויזיציעס. אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה, ווו אונדזערע רעליגיעזע פּאַרטייען, הגם אַ מינדערהייט, האָבן אַזוי פיל דערגרייכט — דאַרף מען אָפּשטעלן די גייסטיקע, מאָראַלישע אינקוויזיציע פון רבנים כּלפּי דעם איבער־וויגנדיקן טייל פון דער פרייער באַפעלקערונג.

אויך די לעבעדיקע ווילן רו!...

(י״ש ת״א, 15.3.67)

# דער שטענדיקער אדרעס

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד, באַגלייט מיט אַרבעטלאָזיקייט, דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן און אומזיכערקייט מיטן מאָרגנדיקן טאָג, האָט פאַרגרעסערט די צאָל רעטערס און אַרויסהעלפערס פון דער מדינה אין דער איצטיקער שעת הדוחק. דעם אויבנאָן צווישן זיי קומט אומבאַדינגט דעם בירגערמייסטער פון חיפה, אָנגעזעענער מנהיג פון מפא״י אבא חושי. זיין פאָרשלאָג צו לייזן דעם קריזיס און ראַטעווען די מדינה שטייגט איבער אין וואַגונג און פאַרנעם אַלע ביז איצטיקע רעטונגס־פּלענער: רעדוצירן אויף 16% דעם געהאַלט פון אַלע לוין־אַרבעטער אין ישראל...

נישט מער און נישט ווייניקער! די לוין־אַרבעטער דאַרפן אַראָפּלאָזן פון פּרייז, זיי דאַרף מען שניידן די פּאָלעס און פאַרקלענערן דעם בודזשעט פון דער אַרבעטער־משפחה מיט גאַנצע זעכצן פּראָצענט. דעם פאָרשלאַג האָט אבא חושי געבראַכט פאַר די עקספּאָרטערן, אימפּאָרטערן, הורט־סוחרים און דירעקטאָרן פון געזעלשאַפטן, אין זיין רעפעראַט אין דער חיפהער האַנדלס־קאַמער. די דאָזיקע אודיטאָריע האָט שטאַרק אַפּלאָדירט דעם רעפערענט און דער פאָרזיצער פון פויערים־פאַרבאַנד ה׳ זיו־אב, האָט אַפילו צוגעזאָגט צו שטימען פאַר חושין ביי די וואַלן צום שטאָטראַט, הגם זיי באַלאַנגען נישט צו איין פּאַרטיי.

אויב די גרויסע סוחרים און אינדוסטריעלער פרייען זיך פון אַזאַ לייזונג, איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דעם אַרבעטער דאַרף ווערן טרויעריק אויף דער נשמה. בפרט נאָך, אַז אבא חושי, דער וואָס פּרעטענדירט צו זיין דער וואָרטזאָגער נישט נאָר פון חיפהער פּראָלעטאַריאַט, נאָר פון דער אַרבעטערשאַפט אין גאַנצן לאַנד, האָט אויך דאָס מאָל אויפגעזוכט דעם שטענדיקן אַדרעס: די לוין־אַרבעטער! ער וויל שינדן אַ פּאַסעק נישט פון די הויט־שינדערס, נאָר פון די שוין אַרומגעצופּטע און רעדוצירטע שכירות פונעם האָרעפּאַשנעם מענטש אין ישראל.

שוין־זשע ווייסט נישט אַבאַ חושי וועגן דער שיכט גבירים, עשירים און אדירים אין לאַנד, וועלכע האָבן שנעל זיך באַרייכערט אויפן חשבון פון דער מדינה און פאָלק און פירן אַ לוקסוסאַרטיק, פאַרשווענדעריש לעבן? זענען אים דען אומבאַקאַנט די אויפגעקומענע מיליאָנערן אין מדינת ישראל, וועלכע האָבן אַ דאַנק שפּעקולאַציעס מיט באָדן, אימפּאָרט־און עקספּאָרט־טראַנזאַקציעס, בערזע־געשעפטן, פּונקט ווי פונעם מערווערט פון אַרבעטערס פּראַצע, דערשלאָגן זיך צו גרויסע פאַרמעגנס, קאָמפּאָרטאַבלע ווילעס, הולאַשטשע לעבן?

דעם חיפהער שטאָט־פּרעזידענט זענען נישט פרעמד די אַלע פאַקטן און דערשיינונגען. נאָר ער, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע פון זיינסגלייכן, מאַכן זיך פאַרזען און פאַרגעסן אין די רייכע און זאַטע, נאָר פאָדערן קרבנות בלויז פון די אָרעמע און באַוואולהטע. ער איז אַפילו נישט געבליבן טריי דער לאָזונג, אַז די וואָס האָבן געהאַט — וועלן ווייטער האָבן, און די וואָס האָבן נישט — בלייבן ביים זעלבן. ער וויל זיך מיט דעם נישט באַגנוגענען. זאָלן די וואָס האָבן ווייניק, נאָך אַראָפּגעבן 16%, בעת די וואָס האָבן אַ סך — דאַרף מען נישט טשעפּען.

דער שטאָטישער פּאַרטיי־ראַט פון מפא״י אין חיפה האָט באַשטעטיקט חושיס פּלאַן. גרויס איז זיין כוח און השפּעה נישט נאָר אין דער גרעסטער פּאָרט־שטאָט אין לאַנד, נאָר אויך אויסער אירע גרענעצן. עס איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראַד, אַז די 26% לוין־הוספה פאַר די אַרבעטער אין חיפהער פּאָרט, זענען דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק חושיס באַציאונגען (צי דראָאונגען) אין די הויכע פענצטער פון דער רעגירונג און הסתדרות. ער האָט געקעמפט ווי אַ לייב צו באַקומען די מיליאָנען ל״י, וועלכע ער האָט פאַר די וואַלן צוגעזאָגט (אַזוי האָט מען געשמועסט) די פּאָרט־אַרבעטער. אָ, דעמאָלט האָט ער נישט געציטערט פאַרן גורל פון דער מדינה, איר עקספּאָרט און אימפּאָרט, נאָר דערשינען ווי דער אבא (טאַטע) כּ ; די פּאָרט־אַרבעטער, בעת מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָבן אַלע זיינע חושים זיך אָפּגעטעמפּט פאַר די באַדערפענישן פונעם ישראלדיקן אַרבעטער בכלל.

נאָך אַ לייזונג האָט א. חושי: אַרבעטן נאָר 5 טעג אין וואָך (פאַר אַ פאַרקלענערטן לוין, פאַרשטייט זיך), בעת די אויסדערוויילטע פון פאָלק, מיניסטאָרן, כנסת־דעפּוטאַטן, הסתדרות־אָנגעשטעלטע און די העוסקים בצרכי ציבור, זאָלן פאַר אַ פולער אַרבעטס־וואָך (6 טעג) באַקומען אַ רעדוצירן געהאַלט. ווידער דאָס זעלבע: אַלעמען אַראָפּנעמען, פאַרקלענערן, אַרומשניידן — נאָר נישט טשעפּען יענע רייכע און פאַרמעגלעכע, וועלכע פאַרדינען אַלץ מערער, וואָס ווינציקער זיי אַרבעטן.

(י״ש ת״א, 12.4.67)

# די אויפגעצוווּנגענע מלחמה

קאָלאָנעל נאַצער, וועלכער האָט צוויי מאָל פאַרשפּילט צו ישראל אויפן שלאַכטפעלד (אין יאָר 1948, זייענדיק אַפילו אונדזערס אַ קריגס־געפאַנגענער, און אין יאָר 1956, בעת דער סיני־אַקציע), האָט אין מאַי 1967, אָפּגעהאַלטן עטלעכע וויכטיקע דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישע נצחונות איבער ישראל. אַ פּאָר געניטע שאַך־צוגן פונעם הערשער אויפן נילוס האָבן אים איבעראַשנדיק־שנעל און מיט אַ סך הצלחה צוריק געקערט צו די זעלבע פּאָזיציעס פון פאַר דער סועץ־קאַמפּאַניע מיט העכער 10 יאָר צוריק. אַ דאַנק דעם אייליקן און אויף אייגענער האַנט דורכגעפירטן שריט פון או־טאַנט, איז פון שאַרם־אַ־שייך און פון עזה־ראַיאָן אַוועק גענומען געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער מיליטער און שוקייריס ״פּאַלעסטינער־אַרמיי״; דערנאָך — דאָס שליסן דעם אַקאַבאַ־איינגוס פאַר ישראלדיקע שיפן, וואָס מיינט — פולשטענדיק פּאַראַליזירן דעם פּאָרט אין אילת.

### דער שאַך־שפּילער און קיביצער

די דאָזיקע גוט־צוגעטראַכטע און מיט דערפאָלג אַדורכגעפירטע שאַך־צוגן פון נאַצערן, באַגלייט מיט עפנטלעכע רעדעס, אין וועלכע ער רופט אָפן און אומפאַרשעמט צו פאַרטיליקן ישראל – זענען אויך מעגלעך געווען דערפאַר, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס איז געשטאַנען דער סאָוויעטישער קיביצער. ער האָט דאָס אונטערגעזאָגט, אויסגעבעסערט און געהאָלפן נאַצערן ״רעגולירן״ די שפּיל און מן־הסתמא אויך פאַרשפּראָכן אַקטיווע אַריינמישונג, אויב עטלעכע ״געננג״ וועלן ניט טויגן.

אַפילו ווען מיר ווייסן ניט קיין גענויע, פולע און אַלזייטיקע פּרטים וועגן אָפּמאַך גראָמיקאָ – נאַצער, איז אָבער פון מאָסקוועס דעקלאַראַציעס און פרעסע־ידיעות קלאָר, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אַ גרויסן, אויב ניט דעצידירנדיקן חלק אין דעם איצטיקן קריזיס אויפן נאָענטן מזרח. זעלטן ווען האָט צביעות, אָפּאָרטוניזם און דעמאַגאָגיע געפייערט צוזאַמען אַזאַ נצחון, ווי די שטעלונג פון די סאָוויעטן אין לעצטן סיכסוך.

אַ סברה, אַז מאָסקווע האָט ווינציק געלערנט פון אירע מפּלות, אַנטוישונגען און פאַטאַלע טעותים מיטן שליסן אָפּמאַכן און שענקען אומבאַגרענעצטן צוטרוי און קרעדיט אַ טשאַן קיי־שעק, צי אַן אַדאָלף היטלער. אויך נאַצער וועט זיי נאָך אַנטוישן – צי וועט דאָס אָבער אָפּשוואַכן די

נטייה ביי די סאָוויעטישע מנהיגים צו חברן זיך דווקא מיט דיקטאַטאָרן און אָפענע אַנטי־קאָמוניסטן?

שווער וועמען איבערצוציגן, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד, גראָד אין זיין יובל־יאָר פון 50סטן אָקטאָבער, איז אין גאַנצן פריי פון איר חלק אין דער שריפה אויפן נאָענטן מזרח. ווייל אָנשטאָט צו פאַרנעמען, ווינציקסטנס, אַ נייטראַלע שטעלונג אין דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט און פרובירן איצט באַרואיקן די צעהיצטע געמיטער — האָט מאָסקווע זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אַלע אַראַבישע מדינות און פאַראורטיילט ישראל ווי אַן אימפּעריאַליסטישן מכשיר.

דער „גייסט פון טאַשקענט" איז, ווייזט אויס, גוט נאָר פאַר אינדיע און פּאַקיסטאַן — אָבער נישט פאַר מצרים און ישראל. אויך דער פאָרשלאַג פון פראַנקרייך וועגן אַ קאָנפערענץ פון די פיר גרויסמאַכטן, געווידמעט דער לאַגע אויפן נאָענטן מזרח — איז דורכן ראַטנפאַרבאַנד געוואָרן אָפּגעוואָרפן, ניט באַמיענדיק זיך אַפילו צו דערקלערן פאַר וואָס.

## די ראָל פון די מערב־גרויסמאַכטן

אויב ס'איז ריכטיק די סאָוויעטישע ווערסיע, אַז מדינת ישראל איז אַ ווערקצייג פון מערב, אַ טרייער אויספירער פון באַפעלן וואָס קומען פון וואַשינגטאָן און לאָנדאָן — לייגט זיך אויפן שכל, אַז דזשאָנסאָן און ווילסאָן האָבן, בעצם, באַדאַרפט זיך שטעלן אויף אונדזער זייט און, אָדער אַליין, אָדער אונדז גופא „באַפעלן" דורכברעכן די בלאָקאַדעביים טיראַנער איינגוס, צי פאַרטרייבן די מצרישע דיוויזיעס פון סיני.

נאָר אַ מאָדנע זאַך: די כלומרשטע „באָסן" פון ישראל, די מערבדיקע אימפּעריאַליסטן, האָבן גערופן די ישראל־רעגירונג צו מעסיקייט, צוריקגעהאַלטנקייט, באַזינונג, ניט אַרויסגיין אין אַ קריג, כל־זמן עס וועלן ניט אויסגענוצט ווערן אַלע דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען צווישן אַ ריי רעגירונגען און די געוויינלעכע באַהאַנדלונגען אין זיכערהייט־ראַט און אין אונ"אָ.

דער בריטישער פּרעמיער און דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט זענען אַקטיוו אַנגאַזשירט אין אַרויס באַקומען פון וואָס מערער ים־מדינות אַ דעקלאַראַציע וועגן פרייער, אומגעשטערטער נאַוויגאַציע אינעם אַקאַבאַ־גאָלף. בעת די דיפּלאָמאַטן טוען זייער מלאכה אין דער ריכטונג, האָבן שיפן און עראָפּלאַנען־טרעגערס פון בריטישן און זעקסטן פלאָט זיך באַוויזן אין ים־סוף. שווער איצט צו זאָגן, אויב דאָס איז נאָר אַ „דעמאָנסטראַציע פון כוח", אָדער אַן אָנזאָג פון „אָנווענדן כוח", אין פאַל ווען די פּאָליטישע באַמיונגען וועלן ניט געבן די געוווּנטשענע רעזולטאַטן. נאָר אַזוי ווי אין די פוסטריט פון די אַנגלאָ־זאַקסישע שיפן, האָבן אין מיטללענדישן ים אָנגעהויבן גאַסטראָלירן שיפן פון סאָוויעטישן קריגס־פלאָט, איז אַ פראַגע, צי פון די מערבדיקע הויפּטשטעט וועט קומען אַן אָנווייזונג צו עפענען אַ פייער, מיט דער בפירושער ריזיקע, אַז אויך די רוסן וועלן ניט שווייגן. קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַזאַ צוזאַמענשטויס טראָגט אין זיך די געפאַר פון אַ דריטן וועלט־קריג. דאָס ווילן ניט איצט ביידע צדדים, און אוודאי און אוודאי ניט — צוליב דעם, אַז ישראל־שיפן זאָלן יאָ אָדער ניט קענען דורכשווימען דעם טיראַנער איינגוס.

אַזוי אַרום איז דער איצטיקער ישראל־אראבישער קאָנפליקט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינטערנאַציאָנאַל פּראָבלעם, אָנגעלאָדנט מיט ניט וויניקער אויפרייס־שטאָף, ווי אויפן נאָענטן מזרח גופא. אויב צו דעם צוגעבן די קלאַנגען און השערות, אַז צוליב וויעטנאַם, האָט רוסלאַנד געוואָלט עפענען פאַר די אַמעריקאַנער אַ צווייטן פראָנט אין אונדזער ראַיאָן — פלעכט זיך בעל־כורחו אַריין אונדזער ענין אינעם געוועב פון דער גלאָבאַלער פּאָליטיק.

וואָס שייך די פּרוּוון צו געווינען די אַראַבער, איז אַמעריקע אַ ניט קלענערער אינטערעסאַנט ווי די סאָוויעטן, נאָר אָן דער בפירושער אַנטי־ישראלדיקער טענדענציעזקייט און בייזוויליקייט.

## דער שונא ביי די טויערן

פאַר ישראל איז אָבער געווען קלאָר, אַז די איצטיקע טעג זענען אַנטשיידנדיקע, גורלדיקע פאַר איר עצם קיום און זי האָט ניט בדעה צו זיין אַ קרבן פון דער גלאָבאַלער וועלט־פּאָליטיק, צי

פון דעם קאַמף פאַר השפּעה אין דעם ראַיאָן מצדביידע בלאָקן און אוודאי און אוודאי ניט — דער קרבן פון דיקטאַטאָרישע אַספּיראַציעס פון היטלערס יורש אויפן נאָענטן מזרח.

מעג פּעקין און קאַיר, מאָסקווע און דמשק, אינדיע און מזרח־דייטשלאַנד, ביי דער נייטראַליטעט פון פראַנקרייך, אומבאַהאָלפנקייט פון אונ״אָ און וואַקלענישן מצד וואַשינגטאָן און לאָנדאָן, זיך טראַכטן און טוען וואָס זיי ווילן — בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז צו דער איצטיקער שפּאַנונג אין ראַיאָן האָט גורם געווען גאַמאַל אַבדול נאַצער — און ניט די אשכול־רעגירונג; אַז דער אַגרעסאָר איז מצרים און סיריע — בשום אופן ניט ישראל. אַז די אחריות פאַרן מלחמה־אויסברוך, מענטשלעכע קרבנות און חורבן וועט טראָגן קאַיר און ניט ירושלים.

די מלחמה וועלכע מיר פירן איצט — איז אונדז געוואָרן אויפגעצוווּנגען. אונדזער געווער, ווי דאָס געוויסן — זענען ריין. דער ענין פאַר וועלכן מיר קעמפן — איז אַ גערעכטער. און דער נצחון — אַ זיכערער!

(י״ש ת״א, 7.6.67)

## אַ יאָר פון נצחונות, דערוואַרטונגען און אנטוישונגען

עס דערנענטערט זיך דער 5טער יוני — דער ערשטער יאָרטאָג פונעם אויסברוך פון זעקס־טאָגיקן קריג, אין וועלכער דער ישראלדיקער דוד האָט באַזיגט דעם אַראַבישן גלית. אַזאַ דאַטע, הגם זי איז כולו נצחון, גבורה און דערגרייכונגען, מעג אויך דינען ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר אונטערציען געוויסע סך־הכלען, דורכפירן אַ שטיקל חשבון־הנפש.

### אין יענע טעג

מיט אַ יאָר צוריק, ווען מיר האָבן געפייערט דעם 19טן יום־העצמאות פון מדינת ישראל, האָט דער גרויסער שכן אויפן נילוס, אַ רוק געגעבן זיינע פאַנצער־דיוויזיעס קיין סיני, אַרויסגעגעבן אַן עקסמיסיע־באַפעל די אונ״אָ־כוחות אין עזה־ראַיאָן און אין שאַרם־א־שייך, געשלאָסן דעם טיראַנער איינגוס, אָפּשניידנדיק אַזוי אַרום אילת און דעם נגב פאַר דער ישראלדיקער נאַוויגאַציע.

דאַקעגן חוסיין, דער קלענערער שכן אויפן ירדן, האָט זיך צוגעאיילט צו פליען קיין קאַיר אויס מורא, אַז ער וועט פאַרשפּעטיקן די ״נצחון־באַן״, געחתמעט דאָרט אַ מיליטערישן אָפּמאַך, כדי אַריינגעמען אין אַ צוואַנג די יידישע מדינה. סיריע, ווי באַוווּסט, האָט שוין פון לאַנג געשאַרפט די שווערד און איראַקישע פאָלקן זענען געקומען העלפן ירדן. די אַראַבישע פעטליע האָט זיך גענומען פאַרציען אויף ישראלס האַלדז.

פון דעם האָבן ניט געמאַכט קיין סוד דער ראַדיאָ און פּרעסע אין קאַיר, רבת־עמון, דמשק און באַגדאַד. אַכמעד שוקייריס פּאָגראָם־שפּראַך האָט ציניש און אָפן אָנגעזאָגט אַן אַראַבישע אויפלאַגע פון אוישוויץ, נאָר לויט אַ פּרימיטיווער, לעוואַנטינישער טעכניק — שליידערן אין ים אַריין...

אויך די ווייטע שכנים האָבן זיך ניט צו פיל איבערגענומען מיטן גורל פון דער באַלאַגערטער און באַדראָטער ישראל. וואַשינגטאָן און לאָנדאָן האָבן געפּאָדערט פון אונדז געדולד, ווייל זיי גרייטן עפּעס אַ דעקלאַראַציע פון עטלעכע ים־מדינות בנגע אַ פרייען שיף־פאַרקער; פאַריז האָט שוין אין יענע טעג אָנגעהויבן אַרויסווייזן איר פּאַראַט און גערופן די יידן צו זיין צוריקגעהאַלטן. דאַקעגן מאָסקווע האָט ניט אויפגעהערט אונטערצוּוואַרעמען דאָס אַנטי־ישראלדיקע פייער, וועלכן זי האָט געהאָלפן אָנצינדן — און פאַר זייערע בירגער, ווי פאַר דער גאַנצער וועלט פאַרגעשטעלט ישראל אַלס אַגרעסאָר, וואָס גרייט אַן איבערפאַל אויף סיריע און די אַנדערע אַראַבישע לענדער.

די דאָזיקע נערוון־קריג און העצעס, געפירט נוסח געבעלס, דערצו נאָך באַגלייט מיט אַ ריזיקער קאָנצענטראַציע פון די אַראַבישע חיילות, אויסגעשטאַטע און באַוואָפנטע מיט סאָוויעטיש־אַמעריקאַניש־ענגליש געווער, האָבן ניט געלאָזן קיין שום ספיקות וועגן די אמתע כוונות פון נאַצערן, חוסיינען און על־אַטאַסין. דאָס פאָלק אין ישראל האָט אינסטינקטיוו און

ממשותדיק דערפילט, אַז מען דאַרף זיך גרייטן אָפּצושטויסן די טויט־געפאַר. צו די צה״ל־זעלנער אין רעגולערן דינסט, האָט מען געמוזט מאָביליזירן טויזנטער רעזערוויסטן, כדי זיי קעגנשטעלן, ווי אַ לעבעדיקע מויער, דער מעכטיקער מיליטערישער מאַשין פון 14 אַראַבישע לענדער און אירע 110 מיליאָן איינוווינערס.

דעם 5טן יוני 1967, זענען אויסגעבראָכן די קאַמפן. בלית ברירה, האָט ישראל געמוזט שיקן איר רפואה פאַר דער מצרישער מכה... אַזוי האָבן פאַרשטאַנען אונדזערע העלדישע פליערס, בראַווע טאַנקיסטן, דרייסטע מאַטראָסן, מוטיקע אַרטילעריסטן, וואַגענדיקע פוסגייערס און ריזיקאַנטישע פּאַראַשוטיסטן, ווייל זיי האָבן צו שטאַרק ליב געהאַט זייער היים און היימלאַנד, צו גרויס איז געווען זייער פאַראַכטונג צו געפאַרן און צו טיף זייער באַוווסטזיין, אַז מען האָט דאָ צו טאָן ניט סתם מיט אַ שונא אויפן שלאַכטפעלד, נאָר – מיט אַ הענקער און פאַרטיליקער. אויך דאָס א. ג. הינטערלאַנד האָט מאָראַליש, פּסיכיש און נאַציאָנאַל מיטגעלעבט און מיטגעפילט מיט די זעלנער אויפן פראָנט. ניט געווען קיין שום אויסערלעכע סימנים פון נערוועזיטעט, פּאַניק און היסטעריע, כאַראַקטעריסטישע באַגלייט־דערשיינונגען פון אַן ערב־מלחמה תקופה און אין טעג פון קריג. קיין לאַנגע רייען נאָך ברויט, קיין בהלה פון אָנגרייטן זאַפּאַסן. בלויז אין זיך און פאַר זיך האָבן די הערצער האַסטיק געקלאַפּט איבערן גורל פון אַ מאָביליזירטן זון, מאַן, פאָטער, ברודער – ווי פאַרן גורל פון דער גאַנצער מדינה און אירע איינוווינערס. און געווי אַזוי האָבן סאָלידאַריש געקלאַפּט די הערצער פון אחינו בני ישראל אין אַלע תפוצות.

איבער דער אַרמיי און פאָלק איז געשטאַנען אַ פעיקער גענעראַל־שטאַב און אַ פאַראַנטוואָרטלעכע רעגירונג, וועלכע האָבן געוווּסט ווי אַזוי זיכערן – אין משך פון זעקס טעג – נצחונות אין סיני, ביים סועץ, טיראַן, ירושלים, יהודה, שומרון און רמת־הגולן; ווי אַזוי – אין משך פון 365 טעג – אָפּשטויסן די פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע אַטאַקעס פון דעם טומאהדיקן בונד נאַצער – קאָסיגין – גאַנדי – דע־גאָל – איוב חאַן – טיטאָ – פראַנקאָ – גאָמולקאַ – חוסיין – בומעדיען – מאַאָ.

## די אראבער, גרויסמאכטן, אונ״אָ

צום דריטן מאָל, אין משך פון 19 יאָר, האָבן די אַראַבער אונדז געשטויסן צו אַ מלחמה – און אַלע 3 מאָל פאַרשפּילט. אָבער דער זיגרייכער ישראליק שטייט אויך איצט מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט און שלאָגט פאָר די געשלאָגענע און באַזיגטע שכנים: שלום! לאָמיר זיך זעצן צום טיש, פירן אונטערהאַנדלונגען ניט ווי זיגער און באַזיגטע, אַדורכקומען, איינשטעלן נאָרמאַלע, גוט־שכנותדיקע און צווישן־פעלקערלעכע באַציונגען. אויב ס׳איז מעגלעך געווען נאָכן צווייטן וועלט־קריג אַן איבערבעטונג און נאָרמאַליזאַציע צווישן ביידע דייטשלאַנדס מיט אַלע אָן אויסנאַם לענדער, וועלכע האָבן מוראדיק געליטן פון היטלעריסטישן אָקופּאַציע־רעזשים אין אייראָפּע; אויב אין פּאַריז ווערן איצט געפירט געשפּרעכן צווישן וואַשינגטאָן און האַנוי וועגן אַ שלום אין וויעטנאַם; אויב אין טאַשקענט איז מעגלעך געווען אַן אויסגלייך צווישן אינדיע און פּאַקיסטאַן – פאַר וואָס זאָלן די זעלבע לייזונגען ניט זיין גילטיק פאַרן קאָנפליקט אויפן נאָענטן מזרח?

וואָס שייך די אַראַבער, זעען זיי אין דעם בלויזן זעצן זיך מיט אונדז ביי איין טיש, אַ שווערערע מפּלה און קאַפּיטולאַציע, איידער די דריי פאַרשפּילטע מלחמות. זיי ווייסן דאָך אויסגעצייכנט, אַז שלום באַדייט בוי, אַנטוויקלונג, וווקס פון מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן – בעת מלחמה־צושטאַנד און קריג מיינט חורבן, צוריקגעשטאַנעקייט און זינלאָזע שנאה, וואָס ווערט ביי זיי געפלעגט און פאַרוואַנדלט אין קאָנקרעטע, אגרעסיווע מעשים קעגן דער פרידלעכער באַפעלקערונג פון ישראל.

די טעראָריסטישע באַנדעס, אויסגעשולט אין סיריע און אַלזשיריע און באַוואָפנט מיט סאָוויעטיש געווער און כינעזישן דינאַמיט – באַמיען זיך וויטער אָנצוגיין מיט זייער צעשטערערישער אַרבעט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די וואַכזאַמקייט און פעיקייט פון די

זיכערקייט־כוחות און די רעוואַנזש־אַקציעס פון צה״ל, פאַרשאַפן פיל שטאַרקערע פאַרלוסטן און צרות די דיווערסאַנטן פון ״אל פאַטאך״ און ״אסיפא״, ווי אונדזערע ישובים און איינוווינערס. הגם די אַראַבישע הערשער האָבן מיט אַ יאָר צוריק מסכים געווען אויף אַ פייער־איבערייס — האָבן זיי אָבער דעם פייער פון טעראָר און דיווערסיע ניט אָפּגעשטעלט.

עס אונטערליגט ניט קיין ספק, אַז די אַראַבישע מנהיגים וואָלטן ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל עקשנות און האַס, אָן דער דערמוטיקונג פון געוויסע גרויסמאַכטן, וועלכע האָבן אין זינען זייערע גלאָבאַלע, עגאָיסטישע אינטערעסן אין ראַיאָן, איידער די אינטערעסן פון די אַראַבישע פעלקער. מאָסקווע האָט טאַקע פאַרגרעסערט איר השפּעה אין מצרים, איראַק און סיריע, אָבער דערמיט אָפּגעשוואַכט די אויסזיכט פון צוניפריידונג און פרידן. דאָס זעלבע איז נוגע פראַנקרייך, מיט איר איצטיקער איינזייטיקער אָריענטאַציע אויף די אַראַבער און צינישן פאַראַט פון די ישראל־ענינים. אַ גליק, וואָס אַמעריקע איז דערווייל ניט באַהערשט געוואָרן פונעם ״אַראַבישן דיבוק״.

לייגט זיך אויפן שכל, אַז אייגנטלעך וואָלט די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע פעלקער באַדאַרפט זיין דער פאַקטאָר, וואָס סטימולירט אַ פרידלעכע לייזונג פון דעם ישראל־אַראַבישן סיכסוך (למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די פריער דערמאָנטע איבערבעטונג פון די אייראָפּעישע לענדער מיט דייטשלאַנד, פונקט ווי די טאַשקענטער קאָנפערענץ און די איצטיקע וויעטנאַמער געשפּרעכן — זענען פאָרגעקומען אויסערן אונ״אָ). איז דאָך דער דאָזיקער פעלקער־פּאַרלאַמענט געשאַפן געוואָרן אויף צו רעגולירן קאָנפליקטן און איינשטעלן פרידלעכע באַציונגען און צוזאַמענאַרבעט צווישן די מדינות. ישראל, פאַר די 20 יאָר פון איר קיום, האָט ניט צופיל פאָזיטיווע נסיונות און מיינונגען וועגן די אונ״אָ־אינסטאַנצן, ספּעציעל פון זיכערקייט־ראַט. דאָך האָבן מיר מיט צופרידנקייט אויפגענומען דעם איינשטימיקן באַשלוס פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט פון 22סטן נאָוועמבער פ. י., וועלכער רעדט טאַקע וועגן אַ ישראלדיקן ריקצוג פון די פאַרנומענע געביטן, אָבער מאַכט דאָס אָפּהענגיק פון אָפּשאַפן דעם קריגס־צושטאַנד צווישן די צדדים, דירעקטע פאַרהאַנדלונגען, זיכערע גרענעצן, פּליטים־פּראַגע און סטאַבילע, פרייע נאַוויגאַציע. מיט איין וואָרט — שליסן אַ שלום־אָפּמאַך, ווי עס פּירט זיך צווישן רעגירונגען און פּאָליטיקער, ביי אַ געמיינזאַמען קאָנפערענץ־טיש. אָבער איין צד, דער אַראַבישער, מיט דער ברכה פון מאָסקווע, פּאַריז, בעלגראַד און אַנדערע, פאָדערט פון אונדז קודם זיך צוריק רוקן צו יענע אומזיכערע און אין משך פון אַזוי פיל יאָרן דורך זיי ניט אָנערקענטע גרענעצן פון 4טן יוני 1967, נאָך איידער מען זעצט זיך צום טיש. ערשט דערנאָך — וועט מען זען. כאָטש גיי פאַרלאָז זיך אויפן יושר פון אַ נאַצער, קאָסיגין, חוסיין און טיטאָ...

או טאַנטס שליח אין ראַיאָן, ד״ר גונאַר יאַרינג, אויף וועמענס פּלייצעס ס׳איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע דורכצופירן דעם באַשלוס פון זיכערקייט־ראַט, איז נאָך אַלץ ניט מיד געוואָרן פון די צענדליקער געשפּרעכן זיינע מיט די צדדים. איצט פּירט ער דעם ענין אין ניו־יאָרק, מיט די פאָרשטייער פון ישראל, ירדן און מצרים. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז, אַז דעם געניטן און עקשנותדיקן שוועדישן דיפּלאָמאַט, וועט אפשר געלונגען אין דער נאָענטסטער צייט צונויפפירן ביי איין טיש באַפולמעכטיקטע פאָרטרעטער פון ירושלים — קאַיר, אָדער ירושלים — רבת־אמון, צי אפשר גאָר — אַלע דריי צוזאַמען. נאָר כדי דאָס דערגרייכן, דאַרף אויך ישראל עפּעס טאָן, אַז ווינציקסטנס זי זאָל ניט זיין קיין אבן־נגף פאַר אַזאַ צונויפריידונג.

### הורא־פּאַטריאָטיזם און רעאַל־פּאָליטיק

ערשט מיט אַ וואָך צוריק איז שיעור ניט אויסגעבראָכן קיין רעגירונגס־קריזיס צוליב דער הוראַ־פּאַטריאָטישער אַרויסטרעטונג פון די צוויי גח״ל־מיניסטאָרן קעגן אויסערן־מיניסטער אבא אבן, צוליבן כלומרשטן ניט ריכטיקן קאָמענטירן די שטעלונג פון ישראל צו דעם באַשלוס פון זיכערקייט־ראַט, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם בריוו פון אונדזער אונ״אָ־פאָרשטייער י. תקוע צו ד״ר יאַרינג. די ה״ה מנחם בעגין און יוסף ספיר, די ״גייסטיקע

טאַטעס" פון "אַ גאַנץ ארץ־ישראל אויףביידע זייטן ירדן" (הגם דער אָנטייל פון זייערע פּאַרטייען אין דער התיישבות און אין די גרענעץ־פּונקטן איז ממש אַ נישטיקער), האָט זיך אויסגעוויזן, נאָך איידער זיי האָבן געגוני קאָנטראָלירט דעם פולן טעקסט פון תקועס בריוו, אַז ניט אַנדערש, ווי אבא אבן איז גרייט צוריק געבן די מצרים דעם לינקן ברעג פון סועץ, דעם מדבר סיני און די ירדנער – אַלט־ירושלים, יהודה און שומרון, איידער מען זעצט זיך צום טיש... עטלעכע חסידים־שוטים פון אדוו' תמירס רעוויזיאָניסטישער שפּליטער־פּאַרטיי ("המרכז החופשי"), האָבן אַפילו אויפן פלי־פעלד אין לוד אויפגענומען אבא אבן, נאָך זיין אומקערן זיך פון אַ באַזוך אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, מיט אַזעלכע טראַנספּאַרענטן, ווי "אבן – טשעמבערליין"... די "אַקטיוויסטן" פון דער געוועזענער מפא"י און אחדות העבודה, די מאַקסימאַליסטן פון "חרות" און "המרכז החופשי" און די מנהיגים פון דער באַוועגונג "למען ארץ ישראל השלימה", האָבן געמאַכט יד אחת און שרייען אין כאָר "קיין איין שפּאַן ערד", וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז אַזאַ שטעלונג און לאָזונג וועט אַפילו אויף אַ שפּאַן ניט דערנענטערן דעם געגאַרטן שלום. פּונקט ווי דאָס באַזעצן עטלעכע ישיבה־בחורים אין חברון, האָט אַ ברירה צו זיין אַ וויכטיקע שטערונג אינעם מעגלעכן צונויפריידן זיך מיט די אַראַבישע מנהיגים פון שכם, ראמאללא און חברון.

אַטאַקירנדיק די רעאַלע און געזונטע פּאָליטיק פון דער רעגירונג, האָבן די דערמאָנטע הוראַ־פּאַטריאָטן קודם־כל געטראָפן און דעם אַזוי אויך קנאַפּן שאַנס צו זיצן מיט די שכנים ביי איין טיש. זיי האָבן אָבער ניט מצליח געווען צו שטעלן אין ספק די קאָנסעקווענטע איינשטעלונג פון דער רעגירונג: נאָר אַ שלום־אָפּמאַך, וועלכער קען דערגרייכט ווערן דורך דירעקטע פאַרהאַנדלונגען; סטאַבילע און זיכערע גרענעצן; אָפּשטעלן דעם קריגס־צושטאַנד.

*

אַז מיר כאַפּן אַ בליק צוריק – פון 5טן יוני 1967 ביזן 5טן יוני 1968, מעגן מיר זיין שטאָלץ און צופרידן מיט די אָפּגעהאַלטענע נצחונות, פּונקט ווי ס'איז צו דערוואַרטן נאָך פּאָליטישע דערפאָלגן, ניט געקוקט אויף די פיל אַנטוישונגען...

(י"ש ת"א, 29.5.68)

## דריי תפילות צום נייעם יאָר

לויטן יידישן לוח, אמונה און טראַדיציע, הייבט מען אָן ציילן דאָס נייע יאָר פון ערשטן טאָג פון חודש תשרי – ראש השנה. לכבוד דעם דאָזיקן יומטוב, האָט זיך איינגעשטעלט דער שיינער מינהג און שטייגער אָנצוווינטשן אַ גוט יאָר פאַרן כלל, ווי פאַרן פּרט. מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט אַרויסברענגען נאָר דריי ווונטשן, צי תפילות: שלום, עלייה, דערנענטערונג.

### די געקוילעטע שלום־טויב וואָלט געמעגט אויפשטיין תחיית־המתים...

פון מאַי 1948 ביז יוני 1967, האָט צה"ל דריי מאָל באַזיגט דעם פּילפּאַכיק שטאַרקערן שונא – אָבער מדינת ישראל איז דערווייל זייער ווייט פון אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבישע שכנים. ניט פאַראַן, דוכט זיך, קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע פאַר אַזאַ פענאָמען: געוווּנען דריי מלחמות און פאַרשפּילן דעם שלום. באַזאַמען מיט די טויזנטער קרבנות פון דער באַפרייונג־מלחמה מיט 20 יאָר צוריק, פון דער סיני־אַקציע, פון זעקס־טאָגיקן קריג מיט 15 חדשים צוריק און פון די דיווערסאַנטישע מאָרד־איבערפאַלן פון יענער זייט גרענעץ און אונדזערע רעוואַנזש־אַקציעס, וואָס טראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם פאַרטיידיקונג־כאַראַקטער – איז אויף די שלאַכטפעלדער פונעם נאָענטן און מיטעלן מזרח אויך געפאַלן, אַ געקוילעטע, די שלום־טויב. צו איר אומקום, אָדער צייטווייליקער פאַרשטומטקייט, האָט אין אַ ניט קליינער מאָס גורם געווען איר באַשאָפער – "דער באַסטיאָן פון שלום", פסס"ר.

דער פייער־איבערייס, וואָס איז מיט דער הסכמה פון אונ"אָ, ביידע גרויסמאַכטן, ישראל, מצרים, ירדן און סיריע, איינגעשטעלט געוואָרן דעם 9טן יוני 1967 – ווערט טאָג־טעגלעך

צעשטערט דורך די פאַרשיידענע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געניסן פון דער אַקטיווער שטיצע פונעם ירדנער און מצרישן מיליטער, פּאָליטישער אפּוטרופּסות און פינאַנסיעלער הילף מצד די אַראַבישע רעגירונגען און מאָראַלישער באַרעכטיקונג און ממשותדיקער באַוואָפענונג מצד מאָסקווע, פּעקין און אַנדערע. אַנטקעגן דעם דאָזיקן ים פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, מוסולמענישן פאַנאַטיזם און קאָמוניסטישן אַנטי־ציוניזם, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָקעאַן פון שנאת ישראל – ווערט פאַרלוירן די שטים פון ירושלים וועגן אַ סטאַבילן שלום, מיט זיכערע גרענעצן; פונקט ווי עס ווערן בטל בשישים די עקשנותדיקע, אויפריכטיקע באַמיונגען פון אונ״אָ־שליח, ד״ר גונאַר יאַרינג, צו דערפירןביידע צדדים צום פאַרהאַנדלונג־טיש.

די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט איר המשך. דאָס וואָס די אַרמייען פון מצרים, סיריע, ירדן און איראַק האָבן ניט באַוויזן צו דערגרייכן אויפן שלאַכטפעלד – ווילן זיי אויפטאָן מיט דיווערסיע, רציחות און סאַבאָטאַזש. ס׳ווילן זיי ניט אויספעלן קיין פאַרפירטע און אונטערגעהעצטע יוגנטלעכע, וואָס אָנשטאָט באַשולדיקן אין זייער לאַגע נאַצערן מיט חוסיינען – לייגן זיי אויפרייס־באָמבעס אין די קינאָס, עפנטלעכע ערטער, צי אויטאָבוסן־סטאַציעס אין ישראל; פונקט ווי ס׳וועט די טעראָריסטן ניט אויספעלן די סאָוויעטישע ביקס און דער כינעזישער דינאַמיט...

פון יענער זייט גרענעץ ווערט אויך אָנגעהאַלטן אַ מלחמה־היסטעריע. מצרישע האַרמאַטן לענגאויס דעם סועץ און ירדנער אַרטילעריע אויף יענער זייט טייך, גיבן ניט נאָר דעקונג די דיווערסאַנטן – נאָר זענען אויך אויסן צודעקן און איינשטילן די שלום־תפילה פון ישראל.

אונדזערס אַ מסורה זאָגט, אַז אין די ימים־נוראים גיט מען זיך אָפּ אַ דין וחשבון וועגן דעם תכלית פון לעבן. ס׳איז אָנצונעמען, אַז אויך די אַראַבישע מנהיגים פאַרשטייען, אַז דער תכלית פון לעבן איז דאָך בעצם – לעבן. ניט מער, די דאָזיקע פּריווילעגיע פון קיום קומט נאָר זייערע מדינות, זייערע ישובים, זייערע מענער, פרויען און קינדער. פונעם פאָלק אין ישראל און זיין באַנייטער מדינה, ווילן זיי באַרויבן די רעכט פון לעבן און מלוכהשער עקזיסטענץ.

די לאַגע איז טאַקע אַ שווערע – אָבער בשום אופן ניט קיין האָפענונגלאָזע. ״אונטערן שטח״ זענען דאָך פאַראַן מיט די אַראַבישע רעגירונגען קאָנטאַקטן, מיינונג־אויסטוישן, זאָנדירונגען. יאַרינג האָט נאָך ניט אויפגעגעבן זיין שליחות, מדינת ישראל האָט נאָך ניט פאַרלוירן איר אמונה אין אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן מיט די פעלקער אין ראַיאָן.

אויך אויפן נאָענטן און מיטעלן מזרח מעג מען דערוואַרטן אַ תחיית־המתים פון דער שלום־טויב...

**די צוויי ״פענצטערלעך״: עלייה און עמיגראַציע**

פון פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע פאָרן אַרויס יידן. ניט צוליב אַ פּלוצעם־באַקומענעם רייזע־פיבער – נאָר אַ דאַנק פיבערדיקע געשעענישן אין יענע לענדער, פון וועלכע מאָסקווע איז געווען דער הויפּט־גורם. פון וואַרשע און פּראַג פירט דער וועג קיין ווין – די ערשטע הויפּטשטאָט פון אַ מדינה, ווו עסווירקן צוויי יידישע אינסטיטוציעס, וועמענס טעטיקייט אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און ראַטנפאַרבאַנד איז שטרענג פאַרבאָטן: דער ״היאַס״ און די סוכנות. דער אויסגעוויזענער צי אַנטלאָפענער ייד פון לאָדזש און בראַטיסלאַוואַ, טרעפט זיך אויפן ווינער וואָקזאַל מיט צוויי ״פענצטערלעך״, וואָס גיבן אים די ברירה פון אויסקלויב און אַנטשיידונג: אָדער אַ היים, אין מדינת ישראל; אָדער אויף אַ ווייטערדיקן נע־ונד, אין איינעם פון די אימיגראַציע־לענדער.

דאַרף מען ניט קומען מיט קיין טענות צום ״היאַס״, וועלכער פירט שוין העכער 80 יאָר צייט זיין געבענטשטע טעטיקייט פאַרן יידישן עמיגראַנט און אימיגראַנט און האָט אויך איצט איינגעשטעלט אין עסטרייך זיין פיליאַל, בכדי העלפן אויסוואַנדערן אַ ייד אין יענעם לאַנד, ווו מ׳וויל אים אויפנעמען. כל זמן בלויז 16% פון יידישן פאָלק געפינט זיך אין דער יידישער מדינה און אַ 84% אין די תפוצות – איז ״היאַס״ באַזאָרגט מיט אַרבעט נאָך אויף לאַנגע לאַנגע יאָרן.

אויך אין 21 סטן יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, האָט דער ייד, ליידער, נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו זיין דער אייביקער וואַנדערער. פאַר דער מלחמה, איז געווען פּאָפּולער אַ

שנה־טובה קאַרטע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ ייד אַ וואַנדערער – און אונטער דעם בילד די אויפשריפט: "מיטן וואַנדער־שטאָק אין האַנט/אָן אַ גואל, אָן אַ לאַנד..." אָבער שוין מער ווי אַ 80 יאָר ווי אין יידישן לעבן איז אויפגעקומען אַ גואל – דער ציוניזם – און אַ לאַנד, די יידישע מדינה, מיט אַן 21־יאָריקן "פּאַספּאָרט" פון מלוכהשער רייפקייט, פּאָליטישער מחשבה, מיליטערישן פּאָטענציאַל. נאָר קודם כל און דער עיקר – אַ מקלט, אַן אַדרעס פאַרן יידישן פאָלק.

דאָס האָבן פאַרשטאַנען אַ מיליאָן מיט קנאַפּע 300 טויזנט יידן, וועלכע זענען פון אַ 100 לענדער עולה געווען אין דער יידישער מדינה זינט איר אַנטשטייונג, ביזן סוף פון יאָר 1967. מיר ווייסן אָבער אויך, אַז ניט אַלע קרבנות פון פּאָליטישע אויפטרייסלונגען און אַנטי־יידישע רדיפות אין זייערע פריערדיקע ווױן־ערטער האָבן אויסגעקליבן מדינת ישראל אַלס מקלט. די יידן פון אַלזשיריע זענען אַוועק ווייטער אָפריכטן גלות אין פראַנקרייך, אָנשטאָט באַהעפטן זיך מיט זייערע ברידער און מיטן פאָלק אין דעם יידישן לאַנד. אַז אויף די גאַסן פון פּאַריז באַווייזן זיך באַריקאַדן און עס הערשט דאָרט אַ תוהו־ובוהו, ווי בעת די לעצטע סטודענטן־אומרוען און אַרבעטער־שטרייקן – הייבן אָן אַ סך פון אחינו בני ישראל צו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן פראַנקרייך און אַריבערפאָרן קיין... דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע, פאַרייניקטע שטאַטן, הגם ס'אונטערליגט ניט קיין ספק, אַז באַזאַמען מיט זייער פאַמיליע און פאַרמעגן, וועלן זיי אין די נייע אימיגראַציע־לענדער מיטנעמען זייער אויפריכטיקע ליבע צו מדינת ישראל און שטאַרקע סאָלידאַריטעט־געפילן מיטן יידישן פאָלק...

אַן ענלעכע דערשיינונג – אין די איצטיקע טעג אין ווין: ניט איין אַנטוישטן, דערשלאָגענעם און פאַרביטערטן ייד, וועמען מ'האָט אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן געוויזן די טיר – איז נאָך אַלץ שווער צו דעצידירן: מעלדן זיך אין ווין צום "היאַס"־פענצטערל, אָדער צום פענצטערל פון דער סוכנות... די בני רחמנים פון "היאַס" וועלן אַזאַ סאָרט ייד באַזאָרגן מיט אַ וויזע קיין גוואַטעמאַלאַ, פראַנקרייך, קאַנאַדע, צי האָנדוראַס. וואָלט אָבער דער דאָזיקער ייד געהאַט רחמנות אויף זיך און זיינע קינדער – דאַרף זיין איינציקער אַדרעס זיין דער אַמת פון דער יידישער אַגענץ אין עסטרייך, די בריק קיין ישראל.

מיר דאַרפן האָבן ביי אונדז די דאָזיקע יידן – קודם כל דערפאַר, וואָס דאָרט דאַרף מען זיי ניט. מיר דאַרפן זיי האָבן אויך צו שטאַרקן און פעסטיקן די יידישע מדינה, און אַזוי אַרום צונישט מאַכן די פאַרשווערונגען און פינצטערע פּלענער פון די נאָענטע און ווייטע שונאי־ישראל; מיר דאַרפן זיי האָבן אויך דערפאַר, אַז זיי און זייערע קינדער זאָלן לעבן מיטן אייגענעם פאָלק, אין אייגענעם לאַנד, ווו מען וועט זיי ניט דערמאָנען דעם אָפּשטאַם, צי די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט און זיי וועלן ניט זיין קיין קרבנות פון יעטוועדן לייכטן צי שווערן קריזיס אין "יענע" לענדער.

אויפן עלייה־פראָנט זענען דווקא פאַראַן זייער דערמוטיקנדיקע ידיעות. אויב ז.ין משך פון פאַריקן חודש, אויגוסט 1968, זענען בלויז פון קאַנאַדע און די שטאַטן געקומען 609 עולים, פון פראַנקרייך – 467 עולים, ענגלאַנד – 132, פון לאַטיין־אַמעריקע – 145, פון דרום־אַפריקע 35 און אויסטראַליע – 28, איז צו האָפן, אַז אויך פון די א. ג. "נויט־לענדער", פון וועלכע יידן זענען געצוווּנגען צו עמיגרירן, וועט זיך שטאַרקן די עלייה קיין ישראל.

אַזאַ איז טאַקע אונדזער צווייטע תפילה צום נייעם יאָר: אַ מעכטיקער עלייה־שטראָם פון אַלע לענדער, פון אַלע רעזשימען און פון די אַלע יידן וואָס מוזן און דאַרפן וואַנדערן...

### דערנענטערן הערצער...

אין דער ראָש־השנהדיקער תפילה "ונתנה תוקף" ווערט געשילדערט, ווי אַזוי אין הימל ווערט מען געמשפּט ווער צום לעבן, ווער צום טויט, ווער צו רייכקייט און ווער צו אָרעמקייט. אויב מיר זאָלן אַפילו אויף איין רגע צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ס'איז טאַקע אַזוי – איז אפשר גאָט גערעכט, אָבער זיין משפּט איז אַן אומגערעכטער...

אָפיציעלע סטאַטיסטיקעס דערציילן, אַז אין פאַרלויף פון 12 חדשים (יוני 1967 – יוני 1968), זענען די רווחים פון די ישראלדיקע פאַבריקאַנטן געשטיגן פון 300 ביז 400 מיליאָן ל"י; די

פּראָדוקטיוויטעט פונעם ישׂראלדיקן אינדוסטריעלן אַרבעטער – מיט 13%. דאַקעגן דער לוין זיינער איז פאַרגליווערט. אַפילו ווען דער אַרבעטער האָט יאָ באַקומען אַ שטיקל הוספה, איז זי ״איינגעשלונגען״ געוואָרן דורך די געהעכערטע פּרייזן.

אַ מאָדנע זאַך: דער פאַרבאַנד פון די ישׂראלדיקע אינדוסטריעלער האָט קיינמאָל ניט באַשלאָסן צו פאַרפירן די רווחים פון זיינע מיטגלידער, די פאַבריקאַנטן. דאַקעגן אונדזער הסתדרות האָט אין די לעצטע יאָרן זיך צוגעאייגנט אַ טעאָריע פון פאַרגליווערן דעם אַרבעטער־לוין און רעדוצירן די יקרות־הוספה ביז איין מאָל אין יאָר. הגם די באַשלוסן פון דער הסתדרות זאָגן בפירוש, אַז דער געהאַלט פונעם אַרבעטער וועט שטייגן אַנטשפּרעכנדיק צו זיין פּראָדוקטיוויקייט – האָבן מיר ניט געהערט וועגן אַ לוין־הוספה פון 13%, צי אַפילו פון 0.13%.

אויף דעם געביט פון אַרבעט־באַציִונגען, לוינען, פּראָפעסיאָנעלער קאַמף, רווחים פון די אונטערנעמערס און די לאַגע פון דיסקרימינירטע און באַעוולהטע פּראָלעטאַריער, באַזונדערס פון די מזרח־עדהס – זענען פאַראַן אין ישׂראל אַ סך נעגאַטיווע דערשיינונגען, צו גרויסע מרחקים. ווען מיר צום נייעם יאָר, מיט מער קראַפט ווי דאָס ווערט געטאָן אַלע טעג אין יאָר, אַרויסברענגען די תּפילה (צו די ״ערדישע כוחות״, וואָס דעצידירן אין אַזעלכע ענינים), זיי זאָלן זען דערנענטערן די זייער גרויסע קאָנטראַסטן און אונטערשיידן; אָפּטעמפּן אַ ביסל די שאַרפקייטן און קעגנזאַצן; אַליין לעבן – נאָר אויך אַנדערע לאָזן באַקומען...

ס׳איז ניט נאָר אַן עקאָנאָמישער, צי פּראָפעסיאָנעלער ענין. וויכטיק איז דאָ די טענדענץ, דער זין פון אַזאַ אַנטוויקלונג. אַרבעטער־העגעמאָניע אין דער רעגירונג־קאָאַליציע, וואָס דאַרף אויסגעברייטערט ווערן אויף אַ בונד, צי קאָנסטעלאַציע (״מערך״) צווישן מפ״ם און ״העבודה״, פאַרפליכטעט די איצט פאַראייניקטע מפא״י – אחדות העבודה – רפ״י, מערער נוטה זיין אויף דער זייט פונעם אַרבעטער, ערנסטער באַציִען זיך צום געדאַנק וועגן אַ חלוצישן רעזשים און שנעלער אַנטשיידן בנוגע דעם ווייטערדיקן עטאַפּ פון אויסשמידן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע צוזאַמענאַרבעט אין ישׂראל.

מיט איין וואָרט – דערנענטערן הערצער אין די רייען פון דער ישׂראלדיקער אַרבעטער־מחנה!

(י״ש ת״א, 18.9.68)

## צוויי יאָר

צוויי יאָר זענען פאַריבער פון יענע שפּאַנענדיקע, דראַמאַטישע און אימהדיקע טעג פון מאַי־יוני 1967 – טעג פון דערוואַרטונג, ציטער, נאָר אויך פון אַנטשלאָסנקייט, וואָס האָט דערפירט צום פּרעכטיקן נצחון פון דער קליינער מדינת ישׂראל איבער אַרמייען פון פיר גרויסע אַראַבישע לענדער. אָבער נאָכן פייער־איבעררייס דעם 11טן יוני, ווען ס׳האָבן אויפגעהערט דונערן די האַרמאַטן, האָבן די מוזעס פון שלום דאָך נישט אָנגעהויבן שפּילן...

### א מלחמה פאר שלום

דער זעקס־טאָגיקער קריג, געענוי ווי די פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע מלחמה פון דער ישׂראל־רעגירונג אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר, האָט געהאַט פאַר זיך איין־און־איינציקן ציל: געווינען דעם שלום, איינשטעלן פרידלעכע קאָ־עקזיסטענץ און נאָרמאַלע שכנותדיקע באַציִונגען צווישן ירושלים מיט קאַיר, רבת־עמון, דמשק, ביירוט און באַגדאַד. בעת פון די אַראַבישע הויפּטשטעט האָבן אין יענע טעג זיך געטראָגן די דעמאַגאָגישע רייד פון מנהיגים און היסטערישע אויסברוכן פונעם אונטערגעהעצטן המון צו פאַרניכטן ישׂראל און אומברענגען אירע בירגער, איז נאָכן זיג אין דער דאָזיקער אויפגעצוווּנגענער און גערעכטער פאַרטיידיקונג־מלחמה, ניט איינגעפאַלן קיינעמען פון די פאַראַנטוואָרטלעכע און ערנסטע מנהיגים אין ישׂראל, זיך נוקם צו זיין אין די אַראַבער, מאַרשירן אויף זייערע הויפּטשטעט און ״פאַרענדיקן חשבונות״. דער

הערשנדיקער טאָן און אַטמאָספער אין יענע טעג פון יוני 1967 איז געווען ביים זיגער: לאָמיר זיך איבערבעטן!

צוויי יאָר ווערט דורך אונדז געפירט דער קאַמף פאַר שלום, הגם ער איז כמעט טאָג־טעגלעך באַגלייט מיט דער האַרמאַטן־קאַנאָנאַדע פוןביידע זייטן סועץ און ירדן, לופט־אַטאַקעס, דיווערסיע־אַקטן און רציחות מצד "אומרעגולערע" אַראַבישע באַנדעס, אויסגעהאַלטן אַ דאַנק די רעגולערע בודזשעטן פון די שכנותדיקע רעגירונגען און דעם געווער וואָס ווערט מיט אַזאַ ברייטער האַנט געליפערט דורך די שלום־ליבנדיקע רעזשימען אין מאָסקווע און פעקין. די דאָזיקע אַקטיווע אַריינמישונג פון די גרויסמאַכטן פאַרגרעסערט בלויז דעם קאָנפליקט אין דעם ראַיאָן – און די אָנגעשראָקענע און געשעענדעטע שלום־טויב וויל נאָך אַלץ ניט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון דער תיבה וואָס שווימט אַרום אויפן נאָענטן מזרח, נאָכן מבול פון דריי מלחמות און כסדרדיקע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן...

## קרבנות און... דערגרייכונגען

אויב ס'איז ריכטיק דאָס ווערטל "דאָס הויז ברענט און דער זייגער גייט", איז עס ווי אָפּגעמאָסטן פאַר דעם וואָס קומט פאָר אין און אַרום ישראל אין די לעצטע צוויי יאָר. די גרענעצן פונעם פייער־איבעררייס ברענען זייער אָפט אַ העליש פייער, מיט גאָר זעלטענע איבעררייסן. עס פאַלן אַ סך קרבנות, יונגע זין פון טאַטע־מאַמע, אָפטמאָל – אַליין שוין טאַטעס פון קינדער, מענער פון פרויען. עס פאַלן אָפיצירן וואָס גייען פאָרויס פון זייער אָפּטיילונג. עס ווערן דערשאָסן און פאַרוווּנדעט אין פרידלעכע ישובים מענער, פרויען און קינדער. דער ווייטיק צוליבן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט איז נאָך גרעסער דערפאַר, ווייל בדרך כלל קומען זיי אום פון די סאָוויעטישע סנייפּער־ביקסן און האַרמאַטן ביים סועץ, פון דעם כינעזישן דינאַמיט און מינעס, פון די באַרימטע "קאַטיושא"־"שראַפּנעלן, קאַלאַשניקאָוו־ביקסן און וויטשיסנדיקער אַרטילעריע געליפערט פון פסס"ר פאַר דער איראַקישער עקספּעדיציע־אַרמיי אין ירדן.

אַוודאַי פעלט נישט אויס צווישן דעם כלי־זין אויך דער שוועדישער "קאַראַל גוסטאַוו", צי די אַמעריקאַנער טאַנקן און מאַשין־געווער אויפן גלעד. ס'איז אָבער אַ טראָפּן אין ים אַנטקעגן די בשפעדיקע געווער־ליפערונגען פונעם סאָציאַליסטישן בלאָק פאַר דעם רוב אַראַבישע מדינות.

ניט נאָר מיט סאָציאַליסטיש געווער זענען אויסגעשטאַט געוואָרן די אַרמייען פון אונדזערע שכנים און די רוצחים פון "אל־פאַטאַך", "אל־צאַיקאַ" און "פראָנט צו באַפרייען פּאַלעסטיין". פון יענע לענדער קומט אויך אַ מ'שטיינס געזאָגט אידעאָלאָגיש געווער, הגם באַדעקט מיט אַ סך זשאַווער, אַז ישראל איז אַן אימפּעריאַליסטישער מכשיר, וועלכן די וועלט פון מאָרגן וויל, אַז ער זאָל געהערן צום נעכטן... דעריבער – קיין שלום, קיין פאַרהאַנדלונגען, קיין הסכם, קיין אָנערקענונג. אויב ניט באַלדיקער חורבן, טויט, אומקום – זאָל דערווייל זיין טעראָר, פאַרוויסטונג, דעמאָראַליזאַציע און כאַאָס.

אָבער די יידן אין ישראל און די יידן אין דער וועלט, האָבן זיך ניט צו שטאַרק איבערגענומען מיט דער סאָוויעטיש־אַראַבישער טאַקטיק און פּאָליטיק. די מדינה טוט זיך ס'איריקע און פירט זיך ווי אין אַלע יאָרן פון יידישן רענעסאַנס אין דעם אַלט־נייעם היימלאנד. דאָס לאַנד בויט זיך און אַנטוויקלט זיך, ניטאָ קיין אַרבעטלאָזע פאַכלייט, עס זענען אין די לעצטע צוויי יאָר אַנטשטאַנען נייע פאַבריקן, וואַרשטאַטן, געשעפטן, לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, לערן־אַנשטאַלטן. צה"ל איז באַרייכערט געוואָרן מיט נסיון, נייע כלים און געשטאַרקטן גייסט. דאָס איז דער זעלבער גייסט פונעם פאָלק – אויסדויער, שטאַרקע נערוון, געדולד און אומדערשיטערלעכע שטרעבונג צו שלום.

אויך יידן אין די תפוצות האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די צוואָרעמטע גרענעצן. עס קומען עולים פון אַ סך לענדער, גראָד פון די רייכע און זאַטע. אין משך פון די אָפּגעלאָפענע צוויי יאָר, האָבן מיר זוכה געווען צו אַן עליה פון 49.550 יידן. צווישן זיי – קאַרגע 2400 יורדים, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט קיין ישראל; איבער 3 טויזנט פון די פרייע פּראָפעסיעס; 4420 סטודענטן און אַ 12 טויזנט טוריסטן, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין לאַנד.

נאָך אַזעלכע ציפערן, פאַקטן, דערגרייכונגען און שטימונגען פאַר די אַוועקגעגאַנגענע 24 חדשים, מעגן מיר פון דעסטוועגן קוקן מיט בטחון און אָפּטימיזם אין דער צוקונפט.

### די צוויי און פיר

נאָך דער אַראַבישער מפּלה מיט צוויי יאָר צוריק, איז מאָסקווע געגאַנגען אין לעבן צו פּאַרגיטיקן מצרים און סיריע פאַר דער פאַרשפּילטער מלחמה, וואָס אויך דער קרעמל טראָגט דערפאַר אַ געוואַלטיקע אחריות. די סאָוויעטישע פּאָליטיק פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז דעריבער געווען אַ דורכויס איינזייטיקע, פּראָ־אַראַבישע און קאָנסעקווענטע: שטעלן אויף די פיס די צעקלאַפּטע אַרמייען פון מצרים און סיריע און געבן אַלע אָן אויסנאַם אַראַבישע לענדער, אומאָפּהענגיק פון זייער רעזשים, אַבסאָלוטע פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע שטיצע, מיט דער פּאָנען־לאָזונג, אַז ״ישראל דאַרף זיך קודם־כּל צוריקציִען צו די גרענעצן פון 4טן יוני 1967״. נאָר אויב ס׳איז זיי געלונגען צו באַוואָפענען און רעקאָנסטרויִרן די מצרישע אַרמיי, האָבן זיי געליטן אַ פולשטענדיקע מפּלה אויפן דיפּלאָמאַטישן פראָנט. ישראל האָט ניט קאַפּיטולירט פאַר דעם סאָוויעטיש־אַראַביש־פראַנצויזישן דרוק און געבליבן סיי ביי דער ליניע פון פייער־איבעררייס, סיי ביי דער ליניע, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ריקצוג אָן אַ געזיכערטן און פאַרפיקסירטן שלום־אָפּמאַך.

אויך די עקשנותדיקע און אומדערמידלעכע באַמיִונגען פון דעם שוועדישן דיפּלאָמאַט ד״ר גונאַר יאַרינג צו דערפירן די צדדים צו איין טיש, כדי אָנהייבן רעאַליזירן דעם באַשלוס פון זיכערקייט־ראַט פון נאָוועמבער 1967 — האָבן ניט געגעבן קיין שום פּרוכט, ווייל די אַראַבער זענען טריי זייער באַשלוס פון כאַרטום פון יענעם יאָר — קיין שלום, קיין פאַרהאַנדלונגען, קיין אָנערקענונג. דערפאַר איז אַלץ געבליבן שטיין אויף אַ טויטן פּונקט.

אַזוי אויך זענען די צוויי הויפּט־גרויסמאַכטן, אַמעריקע און רוסלאַנד, געבליבן שטיין אויף א טויטן פּונקט אין זייערע ענינים, ווי די מלחמה אין וויעטנאַם, פאַרווערן די פּראָדוקציע און באַנוץ פון אַטאָמישן געווער, ענינים פון חלל אדג״ל. צו דעם האָבן אויפן טייך אוסורי זיך צעשפּילט די האַרמאַטן פון דער כינעזישער און סאָוויעטישער ארמייען, מיט אַ סך געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. מאָסקווע האָט מיט אַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז ניט נאָר פון דער קליינער ישראל האָט זי קאָפּווייטיק, נאָר אויך די מעכטיקע כינע און די אָקופּירטע טשעכאָסלאָוואַקיע פאַרשאַפן צרות. אַ באַנייטע מלחמה אויפן מיטעלן מזרח באַדייט ווידער אַמאָל: צעקלאַפּן דאָס נייע סאָוויעטישע געווער, ווי די אַלטע סאָוויעטישע מיליטערישע דאָקטרין און די גאָר אַלטע חלומות, נאָך פונעם צאַר, וועגן עקספּאַנסיע און השפעה אין דעם ראַיאָן. דער־אָ גאַנצער קאָמפּלעקס פראַגן באַרעכטיקט אַבסאָלוט אַ צונויפטרעף פון די צוויי גרויסע — דער געהילפס־מיניסטער פאַר אויסערן ענינים פון די פאַר. שטאַטן, ה׳ סיסקאָ, און דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, ה׳ דאָברינין. ווען די צוויי דערגייען צו אַ שטיקל הסכם וועגן נאָענטן מזרח, ווערט ער געברענגט פאַר אַ ברייטערן פאָרום פון פיר (אויך ענגלאַנד און פראַנקרייך), וועלכע טרעפן זיך אין ניו־יאָרק.

וואָס פאַראַ ישועות און נחמות עס זאָלן ניט זיין צו דערוואַרטן פון די געשפּרעכן פון די צוויי און פיר, איז אין זיי פאַראַן אַ סך אַנטי־מאָראַלישקייט, אויפצווינגערישקייט, דיקטאַט און צביעות. ווייל די צוויי גרויסע מיט די צוויי קלענערע וואָלט אַ סך לייכטער אָנגעקומען (און זיי האָבן דערצו די נייטיקע מיטלען) איבערצוצייגן נאַצערן און כוסיינען זיי זאָלן זיך זעצן צום טיש מיט גאָלדע מאיר. זיי ווייסן אויסגעצייכנט, אַז מדינת ישראל וועט נישט מסכּים זיין אויף אַן אָנגעוואָרפענער לייזונג, וואָס וועט ניט אַנטשפּרעכן אירע עלעמענטאַרע פאָדערונגען פון אַ שלום־אָפּמאַך מיט זיכערע, אָנערקענטע און איינפאַרשטאַנענע גרענעצן, ביים גלייכצייטיקן אָפּשטעלן דעם טעראָר און דיווערסיע פון יענער זייט גרענעץ. די פיר וועלט־פאַרזאָרגערס, וואָס קוים מיט צרות זיי קענען זיך אַליין פאַרזאָרגן — דאַרפן זייער גאַנצן דרוק און אויטאָריטעט (אויב זיי ווילן אים לגמרי ניט פאַרלירן) אָנווענדן קודם־כּל און דער עיקר — אין קאַיר, רבת־עמון און דמשק. מיר זענען טיף איבערצייגט, אַז וואָס שייך ירושלים, איז איר אויפריכטיקער רצון צו פאַרענדיקן דעם היסטאָרישן חשבון מיט די שכנים, איינשטעלן מיט זיי אַ נאָרמאַלן לעבן ווי עס פירט זיך צווישן רוב מדינות.

## פאַלשע באַשולדיקונגען פון די פאַלשע משיחים

אויב אין די אויגן פונעם רוב מנין ובנין פון ישראלדיקע בירגער און פון די יידן אין דער וועלט, זעט אונדזער טלית אויס כולו תכלת, אַזוי ווערט די געשטאַלט פון דער היינטיקער ישראל פאַרגעשטעלט אין די שוואַרצסטע פאַרבן אין מאָסקווע, אַלזשיר, פּעקין, וואַרשע און מזרח־בערלין, פונקט ווי צווישן די הייפלעך יידן מיט קאָמפּלעקסן פון נאַציאָנאַלן מאַזאָכיזם — ווי הרב עלמער בערגערס "יאַהודים" אין ניו־יאָרק, די אָנהענגער פון "נייעם לינקס", טראָצקיסטישע חסידים־שוטים און קאָסמאָפּאָליטישע אינטעלעקטואַלן. די אַלע פאַלשע משיחים, אין דער קלײדונג פון די "היפּיס" און דעם פּסעוודאָ־אידעישן לבוש פון מאַאָ טסע טונג, טשע גוואַרע, פידל קאַסטראָ, לעוו דאַווידאָוויטש בראָנשטיין (טראָצקי) און יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין (וואָס דער רוב פון זיי שטאַמען פון יידישע עלטערן פון פּוילן, רומעניע, רוסלאַנד, וועלכע האָבן עמיגרירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך) — בילדן איצט אויף די אוניווערסיטעטן אין פּאַריז, לאָס־אַנדזשעלעס און לאָנדאָן נעסטן פון אַנטי־ישראלדיקער העצע און אַקטיווער צוזאַמענאַרבעט מיט די "אל־פאַטאַך" פּיליאַלן אין די הויכשולן — ביז נאַציאָנאַלער פאַרלייקענונג און זעלבסט־שנאה. די איצטיקע משומדים פון דער נייער לינקער באַוועגונג זענען ניט נאָר פאַרלוירענע קינדער פונעם יידישן פאָלק, נאָר פּאַטאַלאָגישע שונאי ישראל, וואָס שעמען זיך ניט אונדז צו צוקלעפּן אַלע מיאוסטע עטיקעטן און עפּיטעטן פון נאַצי־רוצחים.

אמת, אויך ביי אונדז אין לאַנד האָט די שאָוויניסטישע טעמפּעראַטור עטוואָס זיך אַ הייב געטאָן. רעליגיעזער מיסטיציזם און אתה בחרתנו נאַציאָנאַליזם פון אַ טייל פונעם עלטערן דור און אַ ביסל יוגנט, איז דורכגעדרונגען און איבערגענומען מיט דער אידייע פון אַ "גאַנצער ארץ ישראל", וואָס פאָדערט ניט צוריק געבן קיין איין שפּאַן ערד די אַראַבער. איי, דאָס דערוווייטערט די אויסזיכט אויף שלום און פאַרמאַכט לגמרי דעם וועג פאַר צונויפרעדונג — דאָס אַרט ניט אונדזערע אָנהענגער פון "אַ גאַנץ פאָטערלאַנד". אַזעלכע מאַקסימאַליסטן אין לאַנד גיבן ניט וויניק העץ־שטאָף די ניהיליסטן אין אויסלאַנד צו וואַרפן אויף אונדז פאַלשע באַשולדיקונגען.

## דער ריכטיקער אימאַזש פון ישראל

די אָפּגעלאָפענע צוויי יאָר האָבן אָבער באַוויזן אַ פולשטענדיקע באַהערשונג איבער ריזיקע שטחים פון קאַנטאַראַ אין דרום ביז קונייטראַ אין צפון מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער אַ מיליאָן אַראַבער, וועלכע זענען אין משך פון 19 יאָר, טאָג און נאַכט, געשפּייזט געוואָרן מיט אַנטי־ישראלדיקער העצע און שנאה. די דיווערסיע־ און סאַבאָטאַזש־אַקטן אויף די געביטן וועלכע האָבן ביזן 5טן יוני 1967 געהערט צו ירדן און מצרים, ווערן דער עיקר דורכגעפירט דורך אימפּאָרטירטע רוצחים. דער אָנטייל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג אין די אַנטי־ישראלדיקע אַקציעס איז אַ נישטיקער, ווי דאָס איז אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק דעם היינטיקן 5טן יוני.

אויב חלילה עס דאַרף נאָך ערגעץ־ווו אויסברעכן אַ מלחמה וואָס מוז מיט זיך ברענגען אַן אָקופּאַציע־רעזשים, ווינטשן מיר אין יעדן אָקופּירטן לאַנד אַזאַ מילדן און הומאַניטאַרן רעזשים ווי עס הערשט אין יהודה און שומרון, עזה־געביט, אין מדבר סיני און אין רמת־הגולן. נישט קיין נאַציס זענען מיר, ווי עס ווילן איינרעדן "פּראַוודאַ", "איזוועסטיאַ", "זשיטשע וואַרשאַווי" און "נויעס דויטשלאַנד" — נאָר קעמפּער קעגן אַ נאַצישן רעצידיוו (מיט אַראַבישע הענט) איבער אונדזער פאָלק און מדינה; נישט קיין מיליטאַריסטן זענען מיר — ווי עס שרייען אַ טייל אויסגעלינקטע יוגנט, צי דער "שוואַרצער כוח", פון די נעגערס אין אַמעריקע, אָדער רק"ח און "מצפּן" אין ישראל. דער אימאַזש פון ישראל איז געווען און איז היינט:

אַ דעמאָקראַטישע, שלום־שטרעבנדיקע און פּראָגרעסיווע מדינה — מיט אַ סך שאָטן־זייטן, וועלכע ס'איז דערלויבט צו קריטיקירן, פאָדערן זייער באַזייטיקונג און קעמפן פאַר אויסבעסערונגען. אין דעם באַשטייט איר מאָראַלישער כוח, איר פּאָליטישער באַוווסטזיין, קולטורעלער ניוואָ און איר אייזערנער ווילן ניט משלים צו זיין מיט נאָך אַ חורבן.

די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן מיר געהאַט מיט 2 יאָר צוריק — און מיר האָפן, אַז זיי וועלן אונדז דינען אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן.

(י"ש ת"א, 11.6.69)

# ווער איז א ייד?

די דאָזיקע פראַגע, וועלכע איז פאָריקע וואָך אַנטשיידעט געוואָרן דורך 69 (פון 120!) כנסת־דעפּוטאַטן און באַשעפּטיקט די לעצטע צייט די עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד — האָט פאַרשטויסן אין אַ ווינקל די שאָסן ביים סועץ, דעם אַראַבישן טעראָר לענגויס דעם ירדן, די אַרטילערישע קאַנאָנאַדע אויף דער סירישער גרענעץ און דאָס וואַרפן גראַנאַטן און מינעס אין עזה־ראַיאָן. די איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז גראָד אין דער יידישער מדינה, זאָל מען וועלן געזעצלעך באַשטימען ווער ס'איז אַ ייד און במילא דיסקוואַליפיצירן די אַלע קינדער, וועמענס מאַמע ס'איז נישט קיין יידישע, אַז זיי געהערן נישט צום אתה בחרתנו פאָלק...

**אין די תפוצות און ביי אונדז**

אין דער א. ג. גוי'יישער וועלט, אין די תפוצות, דערקענט מען גלייך דעם ייד, מען ווייסט זיין אָפּשטאַם, מ'איז זיך כמעט נישט טועה ביים באַשטימען די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט פון אַן אונדזעריקן, אַפילו ווען זיין אויסערלעכער אויסזען און לבוש האָט זיך אינטעגרירט מיט דער אַרומיקער סביבה, שפּראַכלעך איז ער פולשטענדיק אַסימילירט און אויך דעם נאָמען געביטן. די פאַרשיידענע אַנטיסעמיטן און שונאי ישראל האָבן אומעטום "אויסגעשמעקט" דעם "זשיד" און "יעווריי", דעם "זשיף" און "דזשו". בימי היטלער האָט מען משומדים ביזן דריטן דור פאַרטריבן אין די געטאָס, זיי זאָלן טיילן דעם גורל פון אַלע יידן. אויך אין אונדזער תקופה האָט מען פון אונטער דער ערד אויסגעזוכט דעם "ציוניסט" אַלס סימבאָל פונעם שלעכטן ייד, דעם אויסנוצער, באַהערשער און אַגרעסאָר. מיט איין וואָרט — אין די לענדער פון יידישער צעשפּרייטקייט איז גאָרנישט שווער געווען צו אידענטיפיצירן דעם ייד, באַשטימען זיין נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריע, ביזן פאַרפיקסירן דאָס אין זיין פערזענלעכן דאָקומענט. דאַקעגן אין דער יידישער מדינה גייט אָן דער וויכוח — ווער איז אַ ייד?

אויב אונדזער פּאַרלאַמענט האָט מיט אַ וואָך צוריק באַגנוגנט זיך בלויז מיט אייניקע אויסבעסערונגען צום "חוק השבות" ("געזעץ פון צוריקקער"), וועלכער גיט אויטאָמאַטישע ישראלדיקע בירגערשאַפט דער גאַנצער משפּחה נייע עולים, אַפילו ווען נאָר דער פאָטער איז אַ ייד, דאַקעגן וועלן די קינדער פאַרשריבן ווערן אַלס יידן, אויב די נישט־יידישע מאַמע וועט זיך מגייר זיין כדת משה וישראל — איז פאָרט נישט געלייזט געוואָרן די פראַגע "ווער איז אַ ייד" אין באַצוג צו די קאַראַימער, די יידן פון אינדיע ("בני ישראל"), פון קאָטשין און אַנדערע שבטים. אַזוי ווי אונדזער ראַבינאַט און די באַאַמטע פונעם באַפעלקערונג־רעגיסטער האָבן נישט געוואָלט פאַרשרייבן אַלס יידן די קינדער פונעם מאַיאָר פונעם מיליטערישן ים־פלאָט, שאַליט, אַזוי וועלן זיי נישט דערלאָזן צו קיין חופּה וקידושין צווישן אַ בחור פון די עולי קאָטשין מיט אַ יידישער טאָכטער פון גאַליציאַנער עלטערן, פונקט ווי זיי וועלן לייגן שטיינער אין וועג אַ קאַראַימער מיידל, וועמענס באַשערטער איז אַ יידישער יונגערמאַן פון אַמעריקע. כדי חתונה האָבן לויט די געזעצן פון מדינת ישראל, מוזן זיי אָנקומען צום ראַבינאַט און צו די אַגענדעס פונעם אינערן־מיניסטעריום, ווו זייער יידישקייט וועט געשטעלט ווערן אונטער אַ פראַגעצייכן.

אָ, נישט איין פאַמיליע־טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט צוליב דער רעליגיעזער דאָגמאַטישקייט און פאַנאַטיזם מצד אונדזער קלער, אין וועמענס מאָנאָפּאָליסטישן רשות מ'האָט איבערגעגעבן אַלע ענינים וואָס זענען נוגע דעם פערזענלעכן און משפּחהדיקן לעבן: חתונות, גטן, בריתן, לוויות. אין די אַלע גורלדיקע פראַגן דעצידירן די תרי"ג מצוות — און נישט די דינאַמישע, קאָמפּליצירטע אַנטוויקלונגען און געשעענישן אינעם יידישן לעבן אין דער גאָרער וועלט — צי זענען דאָס געמישטע חתונות, צי פאָלגן פון דער חורבן־תקופה, ווען יידישע קינדער און דערוואַקסענע האָבן געפונען אַ היים ביי קריסטלעכע משפּחות, אָדער אין מאָנאַסטירן.

אויב אין יענע לענדער האָט מען די דאָזיקע יידן געגעבן אָנצוגעהערן און צו פילן זייער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, צוליב וועלכן זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין רדיפות און נגישות, ביזן

אויפגעצוווּנגענעם פֿאַרלאָזן איינגעאָרדנטע היימען – פֿסלט מען גאָר אין מדינת ישׂראל זייער יידישקייט און נאַציאָנאַליטעט. מיט אַנדערע ווערטער: דאָרט האָט מען זיי פֿאַרשריגן אַלס יידן; דאָ – ווערן זיי אויס יידן...

### ווען אַ מערהייט קאַפּיטולירט פֿאַר אַ מינדערהייט

אַ פּאַראַדאָקס? אַן אומזין? אַן אַבסורד? אַוודאי! נאָר דאָס אַלץ נעמט זיך פֿון דער משונהדיקער לאַגע אין ישׂראל, דער וועלטלעכער מדינה מיט איר דעמאָקראַטישן רעזשים, ווו דעם אויבנאָן פֿאַרנעמט פֿאָרט דער רעליגיעזער צוואַנג פֿון אַן אַגרעסיווער און שאַנטאַזשירנדיקער מינדערהייט כלפּי אַ קאַפּיטולירנדיקער און פּשרותדיקער מערהייט.

די רעליגיעזע פּאַרטייען אין לאַנד (מפד״ל – מזרחי און הפּועל המזרחי, אגודת ישׂראל און פּועלי אגודת ישׂראל) האָבן ביי אַלע וואַלן צו דער כנסת נישט דערגרייכט מערער ווי 15 – 16 דעפּוטאַטן. זייער השפּעה איז דערגאַנגען אויף אַ סך וויניקער פֿון 20% וויילערס. דאָך וואָלטן זייערע דערגרייכונגען זיך געוווּנטשן דער קלער פֿון אַנדערע רעליגיעס אין פֿיל לענדער, ווו זייגע איינפֿלוסן אויף דער באַפֿעלקערונג זענען אַ סך שטאַרקער ווי ביי אונדז. דאָס נעמט זיך נאָך פֿונעם בראשית פֿון דער מדינה, מיט 21 יאָר צוריק, ווען בן־גוריון האָט פֿייערלעך פּראָקלאַמירט „אויסצומיידן יעטווערן צוואַנג אין רעליגיעזע ענינים״ און במשך אַלע יאָרן פֿון זיין שטיין בראש פֿון דער רעגירונג, האָט ער געטאָן פֿונקט דאָס פֿאַרקערטע. מעג ער איצט, צוליב פּערזענלעכע חשבונות מיט פּרעמיער גאָלדע מאיר און יוסטיץ־מיניסטער שאַפּיראָ, אַרויסטרעטן קעגן געזעץ „ווער איז אַ ייד?״, ס׳איז אָבער באַוווּסט, אַז דער ערשטער ראש הממשלה פֿון מדינת ישׂראל איז געווען דער ערשטער נאָכצוגעבן דעם רוב פֿאָדערונגען פֿון די רעליגיעזע פּאַרטייען, ווי די שוין דערמאָנטע פּערזענלעכע און פֿאַמיליאַרע ענינים פֿון חתונות און גטן; אויפֿשטעלן אַ סעפּעראַט שול־וועזן מיט אַ רעליגיעזער שטרעמונג, בעת די שולן פֿון דער אַרבעטער־ריכטונג זענען ליקווידירט געוואָרן; באַפֿרייען די ישיבה־בחורים פֿון מיליטער־דינסט, ווי אויך די מיידלעך וואָס וועלן דעקלאַרירן, אַז זיי זענען פֿרומע, יידישע טעכטער; איינגעפֿירט אָבליגאַטאָרישע כשרות אין צה״ל, אויף די ישׂראלדיקע שיפֿן און עראָפּלאַנען, אין די שולן; פֿאַרבאָט פֿון דער אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע אין די שבתים און יומטובים (אויסער חיפה); די באַגרענעצונגען פֿאַר דאָקטוירים צו פֿאַלמעסן, לויט זייער איינזען, געשטאָרבענע.

די רשימה איז נאָך ווייט פֿון צו זיין אַ ענטגילטיקע – און דאָס אַלץ איז צו פֿאַרצייכענען אויפֿן חשבון פֿון דוד בן־גוריון. אַזוי ווי מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט, האָבן די פֿרומע אָנגעהויבן פֿאָדערן צו פֿאַרווערן אין שבת די טעלעוויזיע, פֿאַרגרעסערן דאָס רעליגיעזע שול־וועזן און – באַשטימען „ווער איז אַ ייד״, כדי יורידיש צונעמען די מעגלעכקייט פֿון העכסטן געריכט צו אַנטשיידן קעגן אינערן־מיניסטער משה חיים שאַפּיראָ און די רבנים, ווי ס׳איז געשען אין פֿאַל שאַליט, ווען ר׳האָט געוווּנען די קאַסאַציע וואָס האָט געפֿאָדערט זיינע קינדער צו פֿאַרשרייבן אַלס יידן אין דער רובריק נאַציאָנאַליטעט. דער־אָ באַשלוס פֿון די פֿינף ריכטער פֿונעם העכסטן געריכט האָט באַוויגן די מפד״ל ווידער צו באַנייען זייער דרוק אויף די קאָאַליציע־שותפים און דעם שאַנטאַזש פֿון פֿאַרלאָזן די רעגירונג, אויב אַ געזעץ פֿון דער כנסת וועט נישט פֿאַרפֿיקסירן ווער ס׳איז אַ ייד.

אינטערעסאַנט, אַז דער זעלבער משה חיים שאַפּיראָ, וועלכער האָט ערב דער זעקס־טאָגיקער מלחמה געדראָט (דאָס קענען זיי!) לוי אשכולן ז״ל מיט פֿאַרלאָזן די קאָאַליציע, אויב ס׳וועט נישט אויפֿגעשטעלט ווערן אַ רעגירונג פֿון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע מיט מנחם בעגין און משה דיין, האָט איצט, ווילנדיק אויפֿצווינגען אָנצונעמען דאָס „ייד־געזעץ״, ווידער געדראָט מיט פֿאַרלאָזן די רעגירונג פֿון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע, איב די כנסת וועט נישט ווי אַמשנעלסטן באַשטעטיקן אַזאַ געזעץ. שטעלט זיך די פֿראַגע: ווען האָט די מפד״ל געמיינט ערנסט מיט אַ ברייטער, נאַציאָנאַלער רעגירונג: פֿריער, צי איצט?

**כרושטשאָווס אייניקל אַנטקעגן חנן פראַנק**

ווי געזאָגט, האָט די אויסבעסערונג צום "חוק השבות" נישט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון ווער איז אַ יידן. לויט דער הלכה פון די רעליגיעזע — אפשר יאָ. נאָר לויט דער קאָנצעפּציע פון די וועלטלעכע און לויט דער פּאַקטישער לאַגע פון אונדזער יידישן פאָלק, איז די פראַגע נאָך אַלץ אַ פראַגע. לויט דער הלכה קומט אויס, אַז דאָס אייניקל פון ניקיטאַ סערגייעוויטש כרושטשאָוו, צי פון וויאַטשעסלאַוו מיכיילאָוויטש מאָלאָטאָוו, אָדער דער זון פון וויעסלאַוו גאָמולקאַ זענען כשרע יידן, ווען זיי קומען קיין ישראל, ווייל די מאַמעס זייערע זענען יידישע טעכטער. די זעלבע הלכה איז אויך גילטיק פאַרן אַראַבער פון מזרח ירושלים, וועלכער איז מיט אַ יאָר צוריק פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן תפיסה פאַר אָנפירן מיט אַ טעראָר־גרופּע, וואָס האָט געוואָלט אומברענגען וואָס מערער יידן אין דער יידישער מדינה. אַ כשרער ייד איז אויך דער זון פון לויטערע יידישע מאַטע־מאַמע אין פּאַריז, ניו־יאָרק, צי בערלין, וועלכע באַטייליקן זיך אין אַנטי־ישראל דעמאָנסטראַציעס פון דעם "נייעם לינקס", אָדער יענע לעווינשטיינס און אַבראַמאָוויטשעס פון פראַנקרייך און בעלגיע, וואָס האָבן אין די איבונגס־לאַגערן פון "אל־פאַטאַך" אין ירדן דורכגעמאַכט אידעאָלאָגישע און מיליטערישע קורסן צו קענען קעמפן קעגן מדינת ישראל און דעם ציוניזם.

אַזוי ווי די דערמאָנטע קאַטעגאָריעס מענטשן זענען, לויט דער איינשטעלונג פון דעם ראַבינאַט און באַשלוס פון דער כנסת, יידן פון אַלע שטאַנדפונקטן, אַזוי זענען פאַראַן ספּיקותדיקע, פּראָבלעמאַטישע יידן, ווי די קינדער פון מאַיאָר שאַליט, אָדער חנן פראַנק פון קיבוץ רבדים, דער עולה פון האָלאַנד, וועלכער האָט אין אַ מיליטערישער אַקציע קעגן "אַל־פאַטאַך" פאַרלוירן ביידע פיס — נאָר ר'איז פאָרט נישט קיין ייד, ווייל זיין מאַמע איז נישט קיין יידישע. די פייער־טבילה וועלכע ס'האָט דורכגעמאַכט דער 23־יעריקער קיבוצניק חנן איז נישט גענוג פאַר אונדזערע פרומע צו קוואַליפיצירן אים אַלס ייד. כדי צו דערגרייכן דעם טיטל, מוז ער זיך מגייר זיין, דורכגיין אויך די טבילה אין אַ מקווה...

**וויכטיק איז די מקווה**

בעצם, איז טאַקע די מקווה געוואָרן דער סימבאָל (און צום באַדויערן, אויך די ממשותדיקע בריק) איבערצוגיין פונעם נישט־ייד צו — אַ ייד. קיין גרעסערע צביעות קאָן דאָך נישט זיין. ווייל די נישט־יידישע פרויען, וועלכע זענען געקומען מיט זייערע מענער און קינדער קיין ישראל, ווערן געצוווּנגען זיך מגייר צו זיין און נעמען אויף זיך דעם עול פון מצוות וואָס זענען זיי פרעמד, אומבאַקאַנט און נישט איבערצייגנדיק. בכדי אויסצומיידן שוועריקייטן פאַר די קינדער אין שול און שפּעטער ביים חתונה האָבן, נעמען אויף זיך די דאָזיקע הכנעהדיקע פרויען דעם אָנשטעל פון איבערגיין אויף משה רבנוס גלויבן, הגם זיי זענען גאָר ווייט פון צו גלייבן אין דער נייער רעליגיע.

אויף דעם געביט האָט טאַקע דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם און צביעות געשלאָגן רעקאָרד, ווייל זיי אינטערעסירט נישט די אינערלעכע מעטאַמאָרפאָזע פונעם קאַנדידאַט זיך מגייר צו זיין, זיין אויפריכטיק אָננעמען די געבאָטן פון דער תורה, זיין גייסטיקע אידענטיפיקאַציע מיט דער נייער אמונה — נאָר קודם כל און דער עיקר דער אויסערלעכער אַקט, די מקווה־צערעמאָניע און דאָס אויסלערנען זיך עטלעכע פסוקים פון אויסנווייניק. אַ מין "היתר־עיסקה" צו ווערן אַ ייד, ווי דער ענלעכער אַקט וואָס דערלויבט אַ פרומען ייד צו באָרגן געלט אויף פּראָצענט...

*

אַ צו גרויסן פּראָצענט, אַפילו מיט פּראָצענט פונעם פּראָצענט, צאָלן מיר פאַר דער קליינטשיקער "הלוואה"־צושטייער פון דער מפד"ל דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע. מיט זייערע 3 מיניסטאָרן (אויף 22) און 12 דעפּוטאַטן (אויף 120), איז זיי געלונגען אויסצופּרעסן און דערגרייכן קאָנצעסיעס, פּריווילעגיעס און הנאהס, וואָס זענען אין אַ שרייענדיקער דיספּראָפּאָרץ צו די פּרינציפּן פון יושר, דעמאָקראַטיע און פאַקטישן כוח זייער. שוין די העכסטע צייט, אַז די וועלטלעכע מערהייט אין מדינת ישראל זאָל אַ סוף מאַכן צום שאַנטאַזש און ווילקיר פון דער רעליגיעזער מינדערהייט.

(י"ש ת"א, 18.2.70)

# וואָס א 6־יאָריק קינד ווייסט נישט...

ערב דעם 22טן יום העצמאות פון מדינת ישראל, האָט די לערערין פון דער ערשטער קלאַס אין איינער פון די רמת־גנער פּאָלקס־שולן, פאַרגעבן אירע 6 – 7־יאָריקע שילער און שילערינס אַן אויפגאַבע: שרייבן צו וועלכן ס׳איז מיניסטער פון דער ישראל־רעגירונג אַ פאַרלאַנג צי בקשה. נאָכן צונויפזאַמלען די דורכן קליינוואַרג פאַרשריבענע בלעטלעך פּאַפּיר, האָט זי געפונען אַזאַ סאָרט ווענדונג פון דער 7־יאָריקער גאַלית צום זיכערקייט־מיניסטער: "למשה דיין ברכה ליום העצמאות. אני גאַלית אומרת לך שלא תהרוג את כל החיילים המצריים ושיהיה לנו עם מי לעשות שלום". אין דער איבערזעצונג אויף יידיש לייענען זיך די ווערטער אַזוי: "צו משה דיין, מיין ברכה צום יום העצמאות. איך גאַלית זאָג דיר, זאָלסט נישט הרגענען אַלע מצרישע זעלנער, מיר זאָלן האָבן מיט וועמען צו מאַכן שלום".

די דאָזיקע קינדערישע מחשבה און תפילה איז ווי אָפּגעמאָסטן פאַר דער אַקטועלער, ישראלדיקער פּראָבלעמאַטיק מיט וועלכער מיט לעבן און אָטעמען די לעצטע דריי יאָר: מלחמה און שלום. אין די אויגן פון דער קליינטשיקער סאַברע איז נאָר דיין, דער זיכערקייט־מיניסטער, מסוגל איבערצולאָזן א ביסל עגיפּטער, ס׳זאָל זיין מיט וועמען צו שליסן אַ שלום־אָפּמאַך.

**מיר און זיי**

נאָכן איבערלייענען אַזאַ חיבור, שטעלט זיך די פראַגע: איז אויך אויף יענער זייט גרענעץ פאַראַן, פאַראַלעל צו דער ישראלדיקער גאַלית, אַ מצרישע צי סירישע פאַטימאַ וואָס שרייבט, לאָמיר זאָגן, אַ בריוו צו נאַצערן, צי צו אַטאַסין און בעט נישט אומצוברענגען אַלע ישראל־זעלנער, כדי ס׳זאָל בלייבן מיט וועמען זיך צונויפריידן וועגן אַ פרידן? מיר שיינט, אַז אַפילו עס זאָלן זיך געפינען אין יענע לענדער שילער און שילערינס מיט אַזעלכע געדאַנקען, וועט די עפנטלעכקייט דאָרטן און אין דער גרויסער וועלט, קיינמאָל דערפון נישט וויסן. ווייל דיקטאַטאָרישע רעזשימען רעדן אַליין נישט וועגן שלום און לאָזן זייערע בירגער אויך דערפון נישט רעדן – סיידן נאָר וועגן מלחמה. נאַצער הערט נישט אויף איבערחזרן, אַז "דאָס וואָס איז גענומען געוואָרן מיט כוח, וועט מען אָפּנעמען מיט כוח" און קוויקט זיך מיט אַזעלכע "נבואותדיקע" רייד ווי "האָריזאָנטן פון פייער און בלוט". און פאַר אונדזערע שכנים איז ווי אָפּגעמאָסטן דאָס פאָלקסווערטל "קליינע קייען וואָס גרויסע שפּייען". די דערוואַקסענע, ווי די קינדער, זענען אַזוי אונטערגעהעצט פון זייערע פּאָליטישע און רעליגיעזע מנהיגים מיטן "דזשיהאַד" ("הייליקער קריג") קעגן ישראל, אַז אַפילו געשוווירענע פּאַציפיסטן אין די אַראַבישע לענדער וועלן נישט וואַגן אויפהייבן זייער שטים פאַר ישראל־אַראַבישער קאָ־עקזיסטענץ. און קינדער – אַוודאי און אַוודאי נישט.

זאָל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן די אויסשטעלונג פון צייכענונגען אין דער מצרישער פּאָלקס־שול אין חאן־יוניס, אין עזה־ראַיאָן, וועלכע כ׳האָב געזען אין יולי 1967. נאָכן פאַרנעמען די דאָזיקע שטאָט, האָבן אונדזערע זעלנער איבערגעלאָזן אויף דער וואַנט די גיפטיקע אַנטי־יידישע און אַנטי־ישראלדיקע געמעלן פון די קינדער – טרייע קאָפּיעס פונעם "שטירמער"... ס׳איז צו גלייבן, אַז די העצע און שנאה ביי אונדזערע שכנים ווערט היינט מיט מער קראַפט געפלעגט אין זייערע לערן־אַנשטאַלטן, ווי ערב דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

אַ שוידער נעמט דיך אַרום פונעם געדאַנק, אַז ווער פון די שילערס און שילערינס פונעם מושב אביבים (וואָס 12 פון זיי זענען אומגעקומען אינעם אויטאָבוס, וואָס האָט זיי געפירט אין שול אַריין), צי די דערהרגעטע תלמידים און תלמידות פון בית־שאן, האָבן אין זייערע קלאַס־חיבורים אויך געטרוימט און אַוודאַי געשריבן וועגן אַ שלום מיט די שכנים. אפשר האָט ווער פון די יונגע, פאַרשניטענע לעבנס אויך זיך געווונדעט צו גאָלדע מאיר, מ׳זאָל נישט ממיתן אַזוי פיל אַראַבער און עפּעס איבערלאָזן ס׳זאָל זיין מיט וועמען צו פאַרהאַנדלען וועגן אַ שלום?

קינדער אָריענטירן זיך ווינציק אין דער וועלט־פּאָליטיק און אינעם פּלאָנטער אין אונדזער ראַיאָן. זיי האָבן אַ קנאַפּע אַנונג פון אַ וואָסער געוווער זענען אומגעקומען די שילערס פונעם מושב

אין גליל צי אין בית־שאָן. פאַר זיי איז דער איינציקער אַדרעס פּאַר שלום – אונדזער זיכערקייט־מיניסטער און די מצרישע אַרמיי. אמת, וועגן "קאַטיושאַס" האָט אונדזער קליינוואַרג יאָ עפּעס געהערט, נאָר זייער יחוס־בריוו, אָפּשטאַם און אויפטועז – פון דעם ווייסן זיי וויניק, אָדער גאָרנישט.

**קאטיושא — די קראסאוויצע ווי א מלאך־המות**

"וויכאַדילאַ נאַ ביערעג קאַטיושאַ"... אַזוי האָט מען געזונגען אַ פּאָפּולער פאָלקס־ליד אין רוסלאַנד און אויך אויסער אירע גרענעצן. דאָס חנוודיקע מיידל קאַטיושאַ איז געווען דער סימבאָל פון סאָוויעטישער שיינקייט, ראָמאַנטיק, פאָלקסטימלעכקייט. אַזוי – ביז סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די רויטע אַרמיי האָט דערפונדן ווייטשיסנדיקע ראַקעטעס, עטלעכע צוואָנציק מיט איין מאָל – אַ געוואַלדיקער פייער־כוח קעגן די היטלעריסטישע חיילות. די ליבע און באַגייסטערונג מיטן נייעם, עפעקטיוון געווער איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט עס באַקרוינט מיט דעם צערטלעכן, ממש בתולהדיקן נאָמען – קאַטיושאַ. די "קאַטיושאַס" זענען געוואָרן דער סימבאָל פון איבערגעוויכט, נצחון און נקמה איבער דער דייטשער אַרמיי. צו דער קאַפּיטולאַציע פון די נאַציס האָבן זיי געגעבן אַ גאָר באַדייטנדיקן און בכבודיקן צושטייער. אַ דאַנק די "קאַטיושאַס" איז נישט נאָר צעקלאַפּט געוואָרן די היטלעריסטישע אַרמיי און די פאַרבליבענע רעשטלעך צום טויט פאַרמשפּטע יידן אין אייראָפּע זענען ניצול געוואָרן – נאָר רוסלאַנד איז אויך געלונגען צו באַהערשן פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע, בולגאַריע, אונגאַרן און מזרח־דייטשלאַנד, האָבנדיק "אַריינגעכאַפּט" נאָך פון פריער, אַ דאַנק דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ הסכם – די באַלטישע לענדער. ס'איז אויך נישט קיין סוד, אַז מאָסקווע האָט נאָך נישט רעזיגנירט פון באַצווינגען יוגאָסלאַוויע, אַלבאַניע, רומעניע. מען וואַרט בלויז אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט אַ "זייטיק פאַרדינסטל" – די שריפה אויפן נאָענטן מזרח. טאָ פאַר וואָס נישט אויסנוצן די קאָניונקטור? הלמאי נישט אַריינשטעלן אַ פוס אין אַ ראַיאָן, וואָס איז אַזוי רייך מיט נעפט?

... וועגן דעם אַלעמען ווייסט נישט די קליינטשיקע גאַלית. לאָמיר האָפן, ווען זי וועט אונטערוואַקסן, וועט פאַר איר זיין קלאָר, פונקט ווי ס'איז אונדז הייַנט פאַרשטענדלעך, הלמאי די זעלבע "קאַטיושאַס" וואָס האָבן מיט העכער 25 יאָר צוריק געראַטעוועט אַ סך אַ סך יידן און יידישע קינדער פון אַ זיכערן אומקום, זייען איצט טויט און פאַרוויסטונג צווישן דער שארית הפליטה וואָס האָט דאָ, אין דער יידישער מדינה, געפונען אַ היים און אַ מקלט. אמת, די שיסערס פון די "קאַטיושאַס" זענען נישט קיין רוסן, אָבער די רעגירונג פון אַ מלוכה, וואָס הייסט פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוויעטישע רעפּובליקן (פ.ס.ס.ר.), איז דער איינציקער אין דער וועלט פּראָדוצענט און ליפעראַנט פון די דאָזיקע טויט־טראָגנדיקע שראַפּנעלן. פונקט ווי קאָסיגין און ברעזשניעוו ווייסן די באַשטימונג און אויפגאַבע פון די הונדערטער סאָוויעטישע קריגס־עראָפּלאַנען, ראַקעטעס און אַנדערע כלי־משחית, וואָס ווערן מיט אַזאַ ברייטער האַנט געליפערט צו עגיפּטן און סיריע, אַזוי איז זיי קלאָר ווי דער טאָג, אַז "קאַטיושאַס" אין די הענט פון די אַראַבישע דיווערסאַנטן און טעראָריסטן, זענען באַשטימט צו מאָרדן קודם־כל יידישע קינדער, פרויען און אַלטע לייט.

אַזוי איז די אַמאָליקע קראַסאַוויצע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מלאך־המות – פונקט ווי די שיינע אָקטאָבער־אידעע, האָט געבראַכט אַזוי פיל אַנטוישונגען און פאַרקריפּלונגען.

**פון קלאסן־אינטערעסן ביזן קלאסישן אימפעריאליזם**

טויט דאָס רוסלאַנד אויס שנאה צו ישראל און ליבע צו אַראַבער? נאַרישקייטן! קודם־כל זענען זיי גרויסע אָנהענגער פון אייגן־ליבע. קלאַסן־אינטערעסן האָבן זיי פון לאַנג פאַרטוישט אויף אייגענע, אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן. סאָציאַליזם און הומאַניזם זענען געוואָרן אַ קרבן אויפן מזבח פון גרויסמאַכט־צילן, לויטן קלאַסישן ביישפּיל פון צעטייל (צווישן די אַראַבער און יידן) און הערש (וואָס איז זיי דערווייל געלונגען אין מצרים און אין סיריע).

אַלע קריגס־פאַרברעכער, וואָס זענען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געמשפּט געוואָרן, האָבן זיך געדעקט מיטן פאַרענטפער, אַז זיי האָבן באַדאַרפט אויספירן אַ באַפעל. אַ סך פון די באַפעל־געבערס האָט מען טאַקע געכאַפּט און פאַראורטיילט. אומבאַשטראָפט זענען נאָר געבליבן די געוועזער־ליפעראַנטן. פון די קרופּס איז קיינעמען גאָרנישט געשען. בעת קרופּ איז אָבער געווען נישט מער ווי אַ געוועזער־פּראָדוצענט און ווי יעדער סוחר און פאַבריקאַנט האָט ער געוואָלט זיין סחורה פאַרקויפן — ליפערט מאָסקווע אירע "קאַטיושאַס" און "מיגן" נישט אַזוי צוליב געלט, ווי צוליב... אידעאָלאָגיע. אַזוי האָט זי זיך געפירט בעת דער מלחמה אין ניגעריאַ און געהאָלפן צו דער שחיטה פון מיליאָנען ביאַפרער, אַזוי אין זי זיך נוהג אינעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. אין ביאַפראַ, ווי דאָ, ווערט עס געטאָן מיט דער גאַנצער צינישקייט און ברוטאַלקייט, ווייל זי ווייסט גענוי ווער עס קומט אום פון אירע "קלאַטשניקאָוו"־ביקסן, "קאַטיושאַס", מינעס, באָמבעס און עראָפּלאַנען, האַרמאַטן און טאַנקן.

נאָר וועגן דעם אַלעמען ווייסט נישט אונדזער 7־יאָריקער סאַברע. פּונקט ווי זי ווייסט נישט, אַז דער שלום צווישן ירושלים און קאַיר האָט, לײדער, אויפגעהערט צו זיין אַן ענין פון צוויי סוווערענע רעגירונגען, גלייכע פּאַרטנערן, וואָס אַפילו נאָך אַ מלחמה זענען זיי מסוגל צו זיצן ביי איין טיש און רעגולירן אַלע זייערע ענינים אויף אַ פרידלעכן אופן. נאָר אויב דיין איז געצוווּנגען צו שיקן הרגענען מצרישע זעלנער און אונדזערע קינדער און זין פּאַלן פון רוצחישע "קאַטיושאַס" — איז עס אויך דערפאַר (אויב נישט דער עיקר) וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האַלט אין איין אונטערבלאָזן דאָס פייער, וועלכן ר׳האָט געהאָלפן אָנצינדן אין אונדזער ראַיאָן מיט 3 יאָר צוריק...

דערפאַר איז דער וועג צו אַ שלום צווישן אונדז מיט די שכנים נישט ווייניקער אָפּהענגיק פון מאָסקווע, ווי פון קאַיר און ירושלים.

(י״ש ת״א, 11.6.70)

# וואָס וועט זיין דער סוף?

**(אַן אלטע פראגע צום נייעם יאָר)**

דאָס אָרט פון יידישן לוח פונעם אָפּגעלאָפענעם יאָר תש״ל פאַרנעמט איצט דער נייער קאַלענדאַר פאַרן יאָר תשל״א. א סימן, אז מיר האָבן "דורכגעשטופּט" נאָך 365 טעג — א קאָמפּאַקטער צייט־אָפּשניט אויף צו כאַפּן א בליק צוריק און גלייכצייטיק פרעגן, ווי אויך פּרווון ענטפערן: וואָס קאָן ברענגען דאָס נייע יאָר? וואָס וועט זיין דער סוף?

לאָמיר מודה זיין, מיטן האַנט אויפן הארץ: האָט ווער פון אונדז געוואַגט פאַראַיאָרן פאָרויסזאָגן צי פאָרויסזען אַזעלכע ווייטגייענדיקע ענדערונגען אינעם ראַיאָן און אין מדינת ישראל גופא — ענדערונגען וואָס מוזן לייגן זייער חותם און השפּעה אויף די געשעענישן פון נייעם יאָר? נעמט, צום ביישפּיל, דעם פולשטענדיקן קראַך פון דער אראבישער סאָלידאַריטעט מיטן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן מלך כוסיין מיט די טעראָריסטן; די אינוואַזיע פון די סירישע כוחות אין ירדן; דער אָפּענער, טיפער ריס צווישן קאַיר מיט באגדאד, דמשק מיט ראַבאַט־אמאָן; דער שלום־פּלאַן פון אמעריקעס אויסערן־מיניסטער ראָדזשערס; דער פייער־איבעררייס ביים סועץ; דער פונאַנדערפאַל פון דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע צוליב גח״לס פאַרלאָזן די ממשלה; די נאַציאָנאַל־ישראלדיקע דערוואַכונג פונעם סאָוויעטישן יידנטום און די פאַרשטאַרקטע עלייה פון די מערב־לענדער.

מיט איין וואָרט — ס׳איז געווען א יאָר מיט דינאַמישע, עקסטרעמע און אויסטערלישע געשעענישן, וואָס וועלן זיכער ענדערן די גאַנצע קאָנסטעלאַציע אין ראַיאָן און געשטאַלטיקן דאָס יאָר תשל״א מיט גאָר נייע פּראָבלעמען, אויפגאַבן און אַנטשיידונגען.

**די ערשטע בשורה פון שלום**

דער פייער־איבעררייס וואָס איז דורכן זיכערקייט־ראַט באַשטימט געוואָרן נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, דעם 11טן יוני 1967, איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א

כסדרדיקן פייער מיט זעלטענע איבעררייסן. טויזנטער קרבנות האָט פאַרשלונגען די זינלאָזע מלחמה אויף ביידע זייטן פון סועץ, אין ירדן, יהודה און שומרון, אין עזה־ראַיאָן און ביי די גרענעצן פון סיריע און לבנון. די מלחמה־טעמפּעראַטור האָט נישט אויפגעהערט שטייגן קיין איין טאָג. נאַצערס אויסמאַטערונג־קריג קעגן ישראל איז רעוואַנזשירט געוואָרן מיט מאַסיווע, כמעט טאָג־טעגלעכע באָמבאַרדירונגען פון אונדזער אוויאַציע, פּונקט ווי צה״ל איז געווען געצווונגען צו ענטפערן אויף די רוצחישע איבערפאַלן פון די אַראַבישע טעראָריסטן מיט שלאָגן דעם שונא אין דער אייגענער נעסט, קלאַפּן די ״פאַטאַך״־באַזעס אין די אַראַבישע לענדער. די וועלט־פּרעסע און פּאָליטיקער האָבן דעם מיטעלן און נאָענטן מזרח געזען ווי א פאַס פּולווער, וואָס אָט־אָט רייסט זי אויף און שלעפּט אריין ביידע גרויסמאַכטן אין א קאָנפליקט וואָס מיינט — א דריטע וועלט־מלחמה...

דאָס איז אוודאי געווען איינער פון די הויפּט־מאָטיוון וואָס האָט געבוירן דעם שלום־פּלאַן פון אַמעריקעס אויסערן־מיניסטער וויליאַם ראָדזשערס. כדי צוטרעטן פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן, איז באַשטימט געוואָרן א באַלדיקער פייער־איבעררייס אויף 90 טעג און פאַרפרירן דעם סטראַטעגיש־טאַקטישן מצב אויף די פראָנטן.

מצרים און ירדן האָבן די ערשטע, נאָך פאַר ישראל, געגעבן זייער פּרינציפּיעלע הסכמה צו ראָדזשערס פּלאַן. דעם 7טן אויגוסט 1970 איז אריין אין קראַפט דער פייער־איבעררייס און שוין 50 טעג ווי אויפן סועץ־פראָנט איז לגמרי שטיל. ס׳זענען דאָרט פאַרשטומט געוואָרן די האַרמאַטן, סנייפּערס צילן נישט מער אין זייערע קרבנות, די לופט־באָמבאַרדירונגען האָבן אויפגעהערט. בעצם, וואָלט מען איצט באַדאַרפט האַלטן זייער ווייט מיט די א.ג. יאַרינג־געשפּרעכן.

נאָר איידער ס׳האָבן זיך נאָך אָנגעהויבן די פאַרהאַנדלונגען צווישן די צדדים אונטער דער אופּוטרופּסות פון ד״ר יאַרינג, האָט קאַיר געבראָכן איינעם פון די וויכטיקסטע באַדינגונגען צום פייער־איבעררייס מיטן איבערוקן נענטער צום סועץ די ראַקעטעס ״עס.איי.2״ און ״עס.איי.3״ און פּאַרטיפיצירט דעם ראַיאָן. ישראל האָט נישט געקענט משלים זיין מיט אזא בפירושן אראָפּרייסן א נאָר־וואָס דערגרייכטן הסכם און געמאָלדן, אז זי וועט נישט זיין קיין שותף צו די יאַרינג־געשפּרעכן אין ניו־יאָרק. אויב מצרים, מיט דער דערמוטיקונג פון די סאָוויעטן, וויל נישט פאַרפרירן דעם צושטאַנד אויפן סועץ־פראָנט, ווי ר׳איז געווען דעם 7טן אויגוסט ה.י., איז ישראל געצווונגען צו פאַרפרירן די שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט ירדן און מצרים.

אזא איז די לאַגע מיט ראָדזשערס׳ איניציאַטיוו אויף דער שוועל פון נייעם יאָר.

## די מלחמה צווישן די אַראַבער...

אן אינטערעסאַנטע דערשיינונג: ווי נאָר דער פייער־איבעררייס צווישן עגיפּטן און ישראל אין אריין אין קראַפט — אזוי האָט זיך צעפלאַקערט א מלחמה צווישן די אַראַבער גופא און אויך... צווישן יידן. די אַראַבישע מדינות האָבן קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט קיין פּאָליטישע פאָרמאַציע, ווי צ.ב. נאַט״אָ אָדער די לענדער פון א.ג. ״וואַרשעווער פּאַקט״, צי אן עקאָנאָמישע געמיינשאַפט ווי דער ״שותפותדיקער אייראָפּעישער מאַרק״. זייער סאָלידאַריטעט און געמיינזאַמע אינטערעסן האָבן זיך צונויפגעטראָפן ביי איין פּונקט: שנאת ישראל. דער אומווילן משלים צו זיין מיט דער יידישער מדינה, איז תמיד געווען דער צעמענט וואָס האָט געאייניקט דמשק מיט קאַיר, באַגדאַד מיט ראַבאַט־אַמאַן, אַלזשיר מיט דזשעדאַ. די קעגנזייטיקע שנאה פון איין רעזשים צום צווייטן, די געוואַלדיקע סתירות צווישן א פעאָדאַלער סאַודיע מיט דעם פּסעוודאָ־סאָציאַליסטישן עגיפּטן, דער ווידעראַנאַנד צווישן דער מאָנאַרכיסטישער ירדן און דער ״באַאַט״יסטישער סיריע פלעגן פאַרווישט ווערן, ווי נאָר מ׳האָט באַדאַרפט פּאַראַורטיילן און באַקעמפן מדינת ישראל. ווען אָבער נאַצער איז צוגעדריקט געוואָרן צו דער וואַנט אין רעזולטאַט פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, וואָס האָט זיך פאַרצויגן 3 און א האַלב יאָר, און בעל־כורחו איינגעגאַנגען אויף ראָדזשערס׳ פּלאַן; ווען זיין ״קליינטשיקער ברודער״ כוסיין, דער מלך פון ירדן, האָט אים נאָכגעזאָגט ״אמן״ בנוגע אַמעריקעס שלום־פּאָרשלאַגן — האָט זיך דערהערט א הילכיקער און קאַטעגאָרישער אָפּזאָג פון

אלזשיריע און סיריע, פון איראק און אלע אָן אויסנאם אראבישע טעראָריסטן־אָרגאניזאציעס, וואָס זייער צאָל דערגרייכט ביז פערציק. דער דאָזיקער אָפּזאָג האָט דעמאָנסטרירט נישט נאָר אנטי־אמעריקאניזם און אומקאָמפּראָמיסלעכקייט לגבי וועלכן ס׳איז משא־ומתן מיט ישראל, נאָר איז אויך געווען א פּאטש אין פנים דעם ״גרויסן ברודער״ נאצער פאר זיין ווילן צו דערגיין צו א הסכם מיט ירושלים.

נאָר די שארפסטע קעגנער פונעם ראָדזשערס־פלאן זענען געווען די טעראָריסטן – דער דאָזיקער גולם וואָס האָט זיך פארמאָסטן אויף זיין באשאפער. נישט איין מאָל זענען פאָרגעקומען בלוטיקע צוזאמענשטויסן צווישן דעם ירדנער מיליטער מיט די דיווערסאנטן פון יאסער אראפאט און ד״ר דזשאָרוש כאבאש – נאָר דאָס וואָס האָט די טעג זיך אָפּגעשפילט ביים ירדנער שכן, איז געווען אי בירגער־קריג, אי סירישע אינוואזיע, אי א שחיטה איבער 30 טויזנט אראבער (אויב נישט מערער).

ערשט נישט לאַנג האָט כוסיין דערקלערט, אז ״מיר אלע זענען פעדאיון״, וואָס האָט באדארפט אידענטיפיצירן די גאנצע אראבישע וועלט און דעם מלך בכבודו ובעצמו מיט דער טעראָריסטן־באוועגונג. איצט, ביים סוף פון יידישן אלטן יאָר, האָט דער זעלבער מלך באשטימט א באלוינונג פון 5 טויזנט דינארס צו כאפּן אָדער העלפן אנטדעקן ״די פארברעכער און פארעטער כאַבאַש און כאוואטמא״, בעת די טעראָריסטן דערקלערן פייערלעך צו שלאָגן זיך ביזן לעצטן קעמפער זייערן, אבי שטירצן דעם ירדנער מאָנארך און זיין רעזשים.

די מלחמה אין ראַבאַט־אַמאָן, אירביד, זארקא און אנדערע ערטער אין ירדן צווישן כוסיינס סאָלדאטן און אראפאטס טעראָריסטן, האָט דערשיטערט די גאנצע אראבישע וועלט. אפילו אזעלכע פארביסענע שונאים פון דער יידישער מדינה, ווי די אָנפירער פון די טעראָריסטן האָבן דערקלערט, אז דער ישראלדיקער אָקופּאנט וואָלט ניט אזוי ברוטאל און אכזריותדיק געהאנדלט כלפּי זיי, ווי דאָס האָט געטאָן דער אראבישער לעגיאָן. און נאָך עפּעס: ״דאָס ירדנער מיליטער האָט אין דער לעצטער וואָך אויסגעשאָכטן מערער פאלעסטינעזער וויפל ס׳איז פון זיי דערהרגעט געוואָרן אין אלע מלחמות מיט די ציוניסטן״ – האָט אָפּיציעל דערקלערט מיט עטלעכע טעג צוריק דער שטאב פון די טעראָריסטן אין זיין ראַדיאָ־אודיציע פון דמשק.

נאָך עפּעס: נאַצער ברוגזט זיך אויף כוסיינען פאַר זיין פּרווו אונטערצודריקן דעם פּאַלעסטינישן ווידערשטאַנד און דער סודאַנער פּרעזידענט, נומיירי, באַשולדיקט אין נאָמען פון דער פאָרש־קאָמיסיע פון דער אַראַבישער שפּיצן־קאָנפערענץ דעם ירדנער מלך, אַז ער האָט ברוטאַל דערשטיקט די טעראָריסטן און דערמאָרדעט פון זיי אַ דריי צענדליק טויזנט...

אויפן פאָן פון דער ביטערער מחלוקת צווישן די אַראַבישע מדינות, איז באַוווּסט געוואָרן, אַז גראָד פון מדינת ישראל איז געשיקט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט שפּייז פּאַר די געליטענע אין ירדן. 16 לאַסט־אויטאָס מיט פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן זענען מיט דער הילף פון רויטן קרייץ איבערגעוויזן געוואָרן – אין נאָמען פון די אַראַבער פון יהודה און שומרון.

זאָגט וואָס איר ווילט: אזא אנטוויקלונג האָט זיך קיינער נישט פאָרגעשטעלט מיט א יאָר צוריק.

### ... און ״די יידישע מלחמה״

ווי דערמאָנט, האָט דאָס אָפּגעשטעלטע סועץ־פייער צווישן קאיר און ירושלים, צעפלאקערט א פייער צווישן די אראבער און אויך – ביי יידן. ווי נאָר די ישראל־רעגירונג האָט געגעבן איר צושטימונג צו ראָדזשערס פלאן, הגם מיט א סך באוואָרענישן און פארזיכערונגען, האָט דער פארלאמענטארישער בלאָק פון ״חרות״ און ליבעראלן (אלגעמיינע ציוניסטן), באקאנט אלס גח״ל (״גוש חרות־ליבעראלים״) באשלאָסן צו פארלאָזן די רעגירונג פון נאציאָנאלער קאָנסאָלידאציע, אין וועלכער זיי זענען געווען פארטראָטן פון סוף מאי 1967. לויט די בעסטע טראדיציעס פון עקסטרעמע פארטייען, האָט מנחם בעגין, מיט זיין געווינלעכן פּאטאָס און דעמאגאָגיע, געסטעמפּלט די געגוג צוריקגעהאלטענע הסכמה פון אונדזער רעגירונג צו דער אמעריקאנער

איניציאַטיוו מיט אַזעלכע באַצייכענונגען ווי "מינכען", "פֿאַראַט", "קאַפּיטולאַציע", "פֿאַרקויפֿט דאָס פֿאָטערלאַנד" אַדג"ל. דער ענין מיט די יאַרינג־געשפּרעכן איז נאָך אַפֿילו ניט געווען אין די וויקעלעך, מ׳האָט ערשט זאָנדירט דעם באָדן ביי די צדדים, נאַצער איז גאַנצע 3 וואָכן געזעסן אין מאָסקווע, ביז ער האָט זיך געלאָזט איבערצייגן פֿון קאָסיגינען (אָדער גאָר אויף אים משפּיע געווען — ווער ווייסט?), אַז קאַיר זאָל איינגיין אויף ראָדזשערס׳ פֿאָרשלאַגן — נאָר גח"ל האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען. גיב זיי נאָר "אַ גאַנצע ארץ־ישראל", פֿון קאַנטאַרא ביז קונעטרא, מיט אַנעקסירן יהודה און שומרון, דעם גאַנצן עזה־ראַיאָן, סיני. שלום מיט די אַראַבער — זיי זענען נישט קעגן דעם, אָבער נאָר אויף די באַדינגונגען פֿון מנחם בעגין.

אַ מאָדנער, הגם אָפֿט זיך איבערחזרנדיקער צופֿאַל: די עקסטרעמיסטן אויף יענער זייט גרענעץ און די אין אונדזער מדינה האָבן מיט איין מאָל געפֿונען אַ "בשותּפֿותדיקע שפּראַך". בעת די טעראָריסטן ווילן פֿאַר זיך גאַנץ "פּאַלעסטיין", וואָס מיינט ליקווידירן די יידישע מדינה, אַזוי ווילן די חסידים פֿון "גאַנץ ארץ־ישראל" נישט רעכענען זיך מיט די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און אינטערעסן פֿון אַראַבישן פֿאָלק, וואָס האָט געוווינט און געפֿינט זיך היינט אין מדינת ישראל און אויף די פֿאַרנומענע געביטן.

מיט איין וואָרט: דעם קאַמף פֿאַר שלום דאַרפֿן מיר פֿירן נישט נאָר מיט די שכנים און די גרויסמאַכטן — נאָר אויך מיט יידן, אין אייגענעם לאַנד...

### סאָוויעטישע יידן ווילן עולה זיין...

פֿאַר די 53 יאָר סאָוויעטישער רעזשים, איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזאַ נאַציאָנאַלער רענעסאַנס און אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס פֿאַר ישראל מצד צענדליקער און הונדערטער יידן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ווי אין אָפּגעלאָפֿענעם יאָר תש"ל. מיר געדענקען אַלע דעם רירנדיקן בריוו פֿון עטלעכע פּופֿציק משפּחות, גרוזינישע יידן, צום פּרעמיער גאָלדע מאיר; די ממש האַרצרייסנדיקע ווענדונגען פֿון יחידים צום אויבער־סאָוויעט, צו פּאָדגאָרנין, צו או טאַנט, אין אונ"אָ, צו אַמבאַסאַדאָרן און פּערזענלעכקייטן אין דער מערבדיקער וועלט און אין ישראל, מיט דער איינציקער בקשה: לאָזט אונדז עולה זיין קיין ישראל. ווער עס מאָטיווירט זיין ווענדונג מיט ריין הומאַניטאַרע און פֿאַמיליאַרע מאָטיוון, ווער עס באַהאַלט נישט אויס זיין גייסטיקן בונד און אידענטיפֿיצירונג מיט דער יידישער מדינה, איר גורל און גערנאַנגל — אָבער אַלע טוען דאָס מיט אַ סך מוט און געוואַגטקייט, הגם זיי ווייסן, אַז פֿאַר אַזאַ חטא איז דער רעזשים אויף מסוגל צו שיקן אויף יאָרן תּפֿיסה, צי קאַטאָרגע. כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער אויסגעוואַקסענער דראַנג צו עלייה קומט פֿאָר אין אַ צייט פֿון אומגעצוימטער העצע אין דער סאָוויעטישער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע קעגן ציוניזם, מדינת ישראל, איר רעגירונג און אינסטיטוציעס. פּונקט ווי געבעלס האָט פֿאַרן יידישן פֿאָלק נישט געהאַט קיין אַנדערע באַצייכענונג ווי "יודעאָ־קאָמונא", אַזוי הערט מאָסקווע נישט אויף צו פֿאַרגלייכן אונדז, ביי יעטוועדער געלעגנהייט, צו די נאַציס. לויט דער סאָוויעטישער קאָנצעפּציע, איז מדינת ישראל אַ טרייע קאָפּיע און קאָנסעקווענטע יורשטע פֿונעם "דריטן רייך"... פֿונדעסטוועגן רייסן זיך צו קומען טויזנטער און טויזנטער יידן פֿונעם סאָוויעטישן גן־עדן אין דער "היטלעריסטישער" ישראל.

מיר גלייבן, אַז אַפֿילו אין די נעאָ־סטאַליניסטישע באַדינגונגען פֿונעם היינטיקן רוסלאַנד, וועט דער דאָזיקער ספּאָנטאַנער, אויפֿריכטיקער דראַנג פֿון אחינו בני ישראל צו באַהעפֿטן זיך מיט זייער פֿאָלק און לאַנד — דורכברעכן די מויערן פֿון איזאָלאַציע און פֿאַרלייקענונג. פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד דאַרף און מוז קומען אַ פֿרייע, אומגעשטערטע עלייה פֿון די וואָס שטרעבן דערצו. נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויב דער ראָדזשערס־פּלאַן וועט זוכה זיין אין תשל"אַ רעאַליזירט צו ווערן (וואָס מיינט אויך — אַ צונויפֿרייד צווישן ביידע גרויסמאַכטן), וועט אפֿשר פֿונעם סאָוויעטישן ים ליבע פֿאַר די אַראַבער, בלייבן אויך איין טראָפּן סימפּאַטיע פֿאַר ישראל... פּראַקטיש גענומען, וועט דאָס אויך עפֿענען אַ טויער (צי אַ קליין־קליין טירעלע) פֿאַר עלייה פֿון סאָוויעטישע יידן.

**די וואָס קאָנען — ווילן שוין**

דוכט זיך, אז ביז מיט א יאָר צוריק איז געווען גילטיק דאָס ווערטל בנוגע עלייה: די יידן וואָס ווילן עולה זיין – קאָנען נישט, און די וואָס קאָנען – ווילן נישט. אויב די ערשטע קאַטעגאָריע האָט געמיינט דאָס סאָוויעטישע יידנטום, האָט מען מיט דער צווייטער גרופּע באַצייכנט קודם כל די יידן פון אמעריקע. היי־יאָר איז פאָרגעקומען די גרויסע ענדערונג, אלנפאלס – אין באַצוג צו די יידן פון די פאר. שטאַטן. אין יאָר תש״ל איז דער גרעסטער צושטעלער פון עולים – די רייכע, זאַטע אמעריקע, ווו יידן לעבן אין פאַרהעלטנישמעסיקן וווילשטאַנד, פרייהייט און השפעה. 40 טויזנט עולים א יאָר, גראָד פון די ברווחדיקע לענדער, מיט די פאר. שטאַטן בראש פון דער עלייה – איז אויך איינע פון די מערקווירדיקע דערשיינונגען אין אָפּגעלאָפענעם יאָר און א דערמוטערנדיקער אָנזאָג צום נייעם יאָר.

*

אויפן סמך פון דעם אָנגעזאמלטן נסיון אין תש״ל, אין ליכט פון די דערמאָנטע, אויסטערלישע געשעענישן אין די לעצטע 365 טעג – מעג דאָס מאָל אויף דער סטערעאָטעפּישער, כלומרשט איראָנישער, כלומרשט ערנסטער פראַגע ״וואָס וועט זיין דער סוף?״ – קומען א מער אָפּטימיסטישער ענטפער, דורכגעדרונגען מיט יידישן בטחון, ווי ס׳איז זינט דורות אָנגענומען צו גלויבן יעדן ערב ראש־השנה...

(י״ש ת״א, 30.9.70)

## צוריק צו די יאַרינג־געשפּרעכן

מיט אַ מערהייט פון 77 שטימען קעגן 27 און 9 אָפּגעהאַלטענע, האָט די כנסת באַשלאָסן צו באַנייען דעם ישראל־אַראַבישן דיאַלאָג אונטער דער אַפּוטראָפּסות פון שוועדישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע און או״ם טאַנטס ספּעציעלער שליח פאַרן נאָענטן מזרח – ד״ר גונאַר יאַרינג, אויפן סמך פונעם שלום־פּאָרשלאַג פון וויליאַם ראָדזשערס, דער אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער.

אפילו די אָנהענגער פון באַנייען די יאַרינג־געשפּרעכן האָבן נישט אַרויסגעוויזן איבעריקע התלהבות פאַר אַזאַ וויכטיקן פּאָליטישן שריט. אויך אין די רייד פון פּרעמיער גאָלדע מאיר האָט זיך אַרויסגעפילט אַ סך צוריקגעהאַלטנקייט, ווען זי האָט געבערענגט פאַר דער כנסת דעם איינשטימיקן באַשלוס פון דער רעגירונג זיך אומצוקערן צו די געשפּרעכן. אַ סך באַוואָרענישן און פּאָרזיכטיקייט האָט מען געפילט אין די אַרויסטרעטונגען פון די דעפּוטאַטן וואָס האָבן געשטיצט דעם רעגירונג־פּאָשלאַג. קיינער האָט ניט אויסבאַהאַלטן די נעגאַטיווע זייטן. נאָר בעת די אָפּאָזיציע האָט גערעדט וועגן בלויזע געפאַרן, האָט די קאָאַליציע געזען אויך אַ שאַנס, אפילו אַ האָפענונג, מיטן אומקערן זיך צו די יאַרינג־געשפּרעכן. דערפאַר האָט דער ישראל־פּאַרלאַמענט, מיט אַן איבערוויגנדיקער מערהייט, צו וועלכער עס זענען דאָסמאָל צוגעשטאַנען אויך שטענדיקע אָפּאָזיציאָנעלע פראַקציעס ווי ״העולם הזה״ און מק״י, געגעבן דער רעגירונג דעם מאַנדאַט וועלכן זי האָט פאַרלאַנגט.

די קעגנערס פונעם ראָדזשערס־פּלאַן און די יאַרינג־געשפּרעכן: גח״ל, המרכז החופשי, געוו׳ רפ״י און אַ טייל פון מפד״ל וואָס באַלאַנגט אגב צו דער קאָאַליציע, האָבן אַרויסגערוקט געגנוג קאָנטראַ־אַרגומענטן:

1. דער ראָדזשערס־פּלאַן זעט פאָר צוריקגעבן די אַראַבער דעם רוב שטחים, וועלכע זענען דעראָבערט געוואָרן דורך ישראל אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, מיט נישט ווזנטלעכע גרענעץ־אויסבעסערונגען אויף וועלכע די צדדים וועלן איינשטימען.

2. אין קעגנזאַץ צו די פריערדיקע באַשלוסן פון דער רעגירונג און כנסת וועגן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען און עפעקטיוון שלום־אָפּמאַך, איז ראָדזשערס משלים מיטן אַראַבישן אָפּזאָג צו זיצן מיט ישראל ביי איין טיש און לייגט פאָר צו פירן די פאַרהאַנדלונגען מיט דער הילף פון אַ

דריטן צד, ביז עס וועט קומען דער מאָמענט אויף פון דירעקטע געשפּרעכן (אַ מין רעצידיוו פונעם משא־ומתן וואָס איז געפירט געוואָרן אין ראָדאָס אין יאָר 1949).

3. דער ראָדזשערס־פּלאַן רעדט נישט וועגן אַנערקענטע, זיכערע און איינפאַרשטאַנענע גרענעצן, פאַרפיקסירט אין אַ שלום־אָפּמאַך, ווי ישראל פאַרשטייט דעם ענין.

4. דער איינציקער וואָגיקער מאָטיוו איבערצורייסן די יאַרינג־געשפּרעכן מיט 3 חדשים צוריק איז געווען די מצריש־סאָוויעטישע פאַרלעצונג פונעם 2טן פונקט אין הסכם וועגן פייער־איבערייס פון אָנהייב אויגוסט 1970 — פאַרפירן דעם מיליטעריש־סטראַטעגישן צושטאַנד אויף ביידע זייטן סועץ. נאָר צומאָרגנס נאָך דעם הסכם, האָבן די רוסן און עגיפּטער איינגעריכטעט און אויסגעשטאַט צענדליקער נייע ראַקעטעס "עס.איי.2" און "עס.איי.3", וואָס איז געווען דער דירעקטער גורם אָפּצושטעלן די געשפּרעכן. זיי דאַרפן נישט באַנייט ווערן, כל זמן מ׳האָט נישט צוריק גענומען די ראַקעטעס.

נאָך עפּעס: אין די אויגן פון דער אָפּאָזיציע איז דער ראָדזשערס־פּלאַן אַ פּולאַפּקע, אין וועלכער מ׳וויל אַריינאַרן ישראל. מיטן צוריקגעבן שטחים, נעמט מען פון אונדז צו אַ וויכטיקן פּאָליטישן אַטוט בעת פאַרהאַנדלונגען מיט אַ גרענעץ פון 4טן יוני 1967, וואָס האָט אַ ברירה צו לאָקן די אַראַבער צו באַנייטער אַגרעסיע און פּראָוואָקאַציעס.

*

מיר לעבן אָבער אין אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער ווירקלעכקייט און אין אַזעלכע ספּעציפישע באַדינגונגען אין ראַיאָן, וועלכע שוואַכן אָפּ אויף אַ באַדייטנדיקן אופן די טענות פון דער אָפּאָזיציע. ווייל:

אָפּוואַרפן לחלוטין די אַמעריקאַנער שלום־איניציאַטיוו, וואָלט באַטייט צו שטעלן זיך אין אַ קאָנפליקט מיט דער איינציקער פריינטלעכער גרויסמאַכט וואָס שטיצט אונדז פּאָליטיש און זאָרגט אויף פאַר אונדזערע באַדערפענישן.

כל זמן עס זענען נישט געווען קיין איניציאַטיוון און פאָרשלאַגן מצד אַנדערע פאַרמיטלערס צו דערפירן די צדדים צום פאַרהאַנדלונגס־טיש און וואשינגטאָנס איניציאַטיוו האָט פּאָרט באַקומען די צושטימונג פון מאָסקווע, קאַיר און ראַבאַט־אַמאָן, האָט אַזאַ פאַראינטערעסירטער צד ווי ירושלים, ניט געטאָרט זיך באַגנוגענען מיט אַ "ניין" און בלייבן אויסערן תחום פון די געשעענישן.

דאָס וויכטיקסטע: דער ראָדזשערס־פּלאַן האָט דערפירט צו אַ פייער־איבערייס וואָס דויערט שוין אַ 6 חדשים און פאַרשפּאָרט אַ סך קרבנות און בלוט־פאַרגיסונג.

אויסער דעם, איז אויך פאַראַן אַן עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט, וואָס וואָלט אונדז נישט געוואָלט פאַרשטיין און באַרעכטיקן הלמאי מדינת ישראל וואָס רעדט אָן אויפהער וועגן אַ שלום מיט די שכנים — וואַרפט אָפּ דעם ראָדזשערס־פּלאַן, וועלכער גיט פּאָרט אַ שאַנס צו פאַרהאַנדלונגען און מעגלעכן פרידן. אַזאַ אָפּזאָג וואָלט פאַר ישראל געשאַפן דעם אימאַזש פון אַ פאַרביסענער און פאַרעקשנטער מדינה — די אַלע "אייגנשאַפטן", וועלכע מיר שרייבן צו די אַראַבישע לענדער.

אַלנפאַלס — די געשפּרעכן זענען געוואָרן באַנייט און יעדער פרעגט מיט דערוואַרטונג און שפּאַנונג: וועלכע זענען די אויסזיכטן פאַר צונויפריידונג, ווו זיינען די גאַראַנטיעס פאַר אַ סטאַבילן שלום?

די דאָזיקע פראַגע איז אַבסאָלוט לעגיטים און באַרעכטיקט, ווייל די ווידעראַנאַנדן צווישן קאַיר און ירושלים זיינען געוואַלטיק גרויס. בעת גאָלדע מאיר, אבא אבן און יוסף תקוע זענען אין די באַנייטע יאַרינג־געשפּרעכן אַ ראַם און טריבונע צו באַשטימען דעם מהות פון שלום אַלס ערשטער עטאַפּ צו אַ פרידלעכער לייזונג פונעם ענין גרענעצן, סועץ־קאַנאַל, פליטים — הערן ניט אויף דער פּרעזידענט סאַדאַט, אלי צאַברי און חאַסנין הייקאַל צו פאָדערן קודם כל, און דער עיקר — דעם קאַלענדאַר פאַר ישראלס צוריקציען זיך פון אַלע פאַרנומענע שטחים. נאָר דאָס איז זייער פאָרבאַדינג צו מאַכן אייניקע שריט פאָרויס, ווי: אַנולירן דעם קריגס־צושטאַנד, אַנערקענען די

עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה און ערשט נאָכן לייזן דאָס פליטים־פּראָבלעם – דערלויבן ישראלדיקע נאַוויגאַציע איבערן סועץ.

די מצרישע רעגירונג באַהאַלט אויך נישט אויס אירע בייזע כוונות און אָפטע דראָונגען צו באַנייען די מלחמה („אָפּנעמען מיט כוח וואָס ס'איז צוגענומען געוואָרן מיט כוח") און האָט אויך ניט בדעה צו חתמנען אַ פּאַרפליכטנדיקן שלום־אָפּמאַך און איינשטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, אפילו ווען די יאַרינג־געשפּרעכן זאָלן זיך פאַרענדיקן מיט דערפאָלג.

מיט איין וואָרט – מצרים איז געבליבן טריי איר ליניע אין משך פון דריטהאַלבן יאָר: אָן וועלכער ס'איז קאָמפּענסאַטע צוריק באַקומען די פאַרנומענע געביטן, וואָס איז איר נישט געלונגען מיט דער „פאַרמאַטערונג־מלחמה" און מיט דער הילף פון סאָוויעטיש־אַראַבישן דרוק אין אונ"אָ.

פונדעסטוועגן האָט דער רוב עם ישראל, ווי ס'איז געקומען צום אויסדרוק אין דער אָפּשטימונג פון דער כנסת, אָנגענומען דעם באַשלוס פון דער רעגירונג וואָס זאָגט בפירוש, אַז די איצטיקע פּאָליטישע און מיליטערישע באַדינגונגען דערמעגלעכן צו באַנייען די געשפּרעכן אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון אַמבאַסאַדאָר יאַרינג. אַלע ווייסן, אַז די דאָזיקע געשפּרעכן ווערן באַנייט אָן אילוזיעס, מיט אַ ניכטערן צוגאַנג און אַנטשלאָסענעם און אויפריכטיקן ווילן מצד ישראל אויספּרווון און אויסנוצן דעם סאַמע קלענסטן שאַנס.

הגם די סאָוויעטן און עגיפּטער האָבן נישט צוריק־געצוקט זייערע ראַקעטעס, איז אָבער דער מיליטערישער באַלאַנס נישט אומגינסטיק פאַר ישראל, אַ דאַנק דער אַמעריקאַנער געוועהר־ליפערונג פון מאָדערנע כלים. אויף דעם אַזוי וויכטיקן פראָנט זענען מיר פּאַרלויפּיק ניט אָפּגעשטאַנען כלפּי מצרים. דאָך פאַלט ניט איין ישראל צו ריידן מיט די שכנים פון אַ פּאָזיציע פון כוח אָדער ווי אַ זיגער מיט באַזיגטע. מיר ווילן אין דעם משא־ומתן ניט נאָר אַרויסבערענגען אונדזער „אַני מאמין", נאָר אויך זיך צוהערן צו די רייד פונעם פאַרטנער, צי פאַרטנערן. ישראל וויל אויך, אַז דער פייער־איבערייס זאָל ווייטער אָנהאַלטן – אומבאַגרענעצט און אָן פאָרבאַדינגונגען.

אַזעלכע זענען די כוונות פון ישראל צו די באַנייטע געשפּרעכן, ניט געקוקט אויף די קריגערישע, באָמבאַסטישע און דעמאַגאָגישע רייד פונעם נייעם מצרישן הערשער, ביי דער פולסטער מאָראַלישער, פּאָליטישער און מיליטערישער אונטערשטיצונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

(פא"צ י"ם, דעצ' 70' – יאַנ' 71)

## 50 יאָר הסתדרות

די געשעענישן אין לאַנד ערב דעם באַשלוס פון דער רעגירונג זיך אומצוקערן צו די יאַרינג־געשפּרעכן און דער לענינגראַדער פּראָצעס, האָבן געשטעלט אין שאָטן די יובל־פייערונגען פון דער הסתדרות. די דאָזיקע וויכטיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך ערלעך פאַרדינט מערער ליבע, אַנערקענונג, אָנזען און אימפּאָזאַנטערע יובל־אַקאַדעמיעס.

אויב דאָס וואָרט „הגנה" רעדט מען אַרויס אין איין אָטעם מיט „פּלמ"ח" און ביידע צוזאַמען באַדייטן שפּעטער – צה"ל, פונקט אַזוי דעקט זיך דער באַגריף הסתדרות מיט די באַצייכענונגען די מדינה אונטערוועגנס און מדינת ישראל.

מ'האָט באַדאַרפט זיין דורכגענומען מיט דער וויזיע פון בנימין־זאב הערצל און בער באָראָכאָוו און מיטן אידעאַליזם פון א. ד. גאָרדאָן, י. ח. ברענער און בערל קאַצנעלסאָן, כדי נעמען אויף זיך אַזעלכע שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן ווי דאָס האָט געטאָן ביי איר גרינדונג די הסתדרות העובדים העבריים בארץ ישראל.

ווען וואָס אַלץ האָט מען נישט גערעדט און באַשלאָסן אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות? קאָלאָניזאַציע און יידישע אַרבעט; פּראָפעסיאָנעלער און סאָציאַלער קאַמף; פאַרטיידיקונג פון יידישן ישוב און זיכערקייט; קעגנזייטיקע הילף און קראַנקן־פאַרזיכערונג; דער

עיקר – באַנען דעם וועג צו יידישער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט, ווו דער אַ בעטער זאָל זיין אַ דאָמינאַנטער כוח.

די פינף צענדליק יאָר הסתדרותישע מעשים האָבן געלאָזן קענטיקע שפורן אויף כמעט אַלע געביטן פון אונדזער מדינה־לעבן. דער הסתדרות־מיטגליד איז דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון נאַציאָנאַלער אחריות, ליבע צו אַרבעט, צו חלוציזם, זאָרגן פאַר עליה־אויפנעם, פאַך־אויסבילדונג, פּראָדוקטיוויזאַציע, סאָלידאַריטעט מיטן אַראַבישן אַרבעטער – ביזן עפענען אויך פאַר אים די טויערן פון דער הסתדרות.

פּאַראַלעל מיטן וווּקס און אַנטוויקלונג פון דער מדינה, איז אויך געוואַקסן איר טרייער פּאָרגייער און מיטבאַגלייטער – די הסתדרות. אַ מיליאָן אָרגאַניזירטע חברים, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַ נעץ פון קראַנקן־קאַסעס און שפּיטאָלן, הילף דעם נייעם עולה, פענסיע־פאַרזיכערונג און ספּעציעלע אַנשטאַלטן פאַר עלטערע מענטשן, אייגענע אונטערנעמונגען וואָס אין אַ טייל פון זיי זיינען די אַרבעטער פאַרטרעטן אין דער אָנפירונג און שותפים צו די רווחים, אַ ביכער־פאַרלאַג, קולטור־אויפטוען, ספּאָרט־קלובן („הפועל") און ענגער בונד און קאָאָפּעראַציע מיט די קיבוצים און מושבים.

אַוודאי זיינען אויך געווען פעלערן און ריקצוגן. ניט שטענדיק האָט די הסתדרות געקענט, צי געוואָלט דערפילן די אויפגאַבן וואָס זי אַליין האָט זיך אָנגעצייכנט. נאָר די שאָטן־זייטן טאָרן נישט פאַרשטעלן דאָס גרויסע ליכט וואָס איז באַזאַמען מיטן דריטן חנוכּה־ליכטל אָנגעצונדן געוואָרן אין חיפה מיט 50 יאָר צוריק.

די ציוניסטישע באַוועגונג און די הסתדרות זענען בעצם די צווי הויפּט־זיילן אויף וועלכע ס'האָט זיך „אַרויפגעצויגן" און שטייט היינט פעלזנפעסט די יידישע מדינה. דער דאָזיקער „דריילינג" האָט נאָך אַ סך בשותפותדיקע אויפגאַבן צו דערפילן פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד. ווי ביז איצט, וועלן אַלע דריי דערפילן די דאָזיקע שליחות מיט אַ סך אמונה, פאַרנעם און פאַרמעסט.

(פאַ"צ י־ם, דעצ' 70 – יאַנ' 71')

## ווער אויסברעכן אַ שלום?

דער מצרישער פּרעזידענט סאַדאַט האָט אונדז ווידער באַשאָנקען מיט זיין גנאָד און פאַרלענגערט דעם פייער־איבערייס אויף נאָך דעם 7טן מערץ. די דאָזיקע פּראָלאָנגירונג איז אפילו געווען אין פולשטענדיקער סתירה צו די דראָונגען, אולטימאַטומס און כיטרע דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישע גענג מיט וועלכע ס'האָט זיך באַנוצט נאַצערס יורש ביזן 5טן פעברואַר – מיטן ציל אַרויסצורופן אין דער וועלט אַ בהלה, אַז דאָס פייער וועט באַנייט ווערן; אָנוואַרפן אויף ישראל אַן אימה, אַז די קאַנאַנאַדע פון יענער זייט סועץ וועט זיך איבערחזרן; באַרויקן די עקסטרעמיסטן און מיליטאַריסטן אין קאַיר, אַז אויך ער, סאַדאַט, איז מסוגל צו נעמען אַ „הויכן טאָן" און אפילו ריזיקירן מיט נאָך אַ מלחמה־אַוואַנטורע.

עס בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז אין דער גרויסער וועלט, ווי אין דער קליינער מדינת ישראל, איז מען ניט נתפּעל געוואָרן פון די באָמבאַסטישע רייד וועלכע האָבן זיך געלאָזט הערן פון קאַיר. וואָס שייך ישראל, איז זי שוין יאָרן געוווינט צו דעם סאָרט פלוידעריי, וועלכע האָט אונדז ניט אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט, הגם די אויערן זענען געוואָרן אָנגעשפּיצטער און די אויגן אָפענער צו דעם וואָס האָט אַ ברירה צו פאָלגן פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע ווערטער. אויך די פיר גרויסמאַכטן, וואָס פאַרמעסטן זיך, פּאַראַלעל מיטן ד"ר יאַרינג, צו לייזן דעם קריזיס אין אונדזער ראַיאָן, זענען ניט צו שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פונעם מצרישן הערשערס רייד און דראָונגען. הגם זיי דערנענטערן זיך שוין צו דער צאָל פון 60 זיצונגען – איז זייער כוח דערוויל און ווירקונג נישט גענוג דעצידירנדיק, אפילו ווען איין צד, דעם מצרישן, גייט ממש אין לעבן, אַז גראָד דער „קלוב פון די פיר" זאָל אויפצווינגען אַ לייזונג.

דעריבער זענען מיר עדות, אַז פונעם 5טן פעברואַר ביזן 7טן מערץ, זענען פאָרגעקומען זייער אינטערעסאַנטע געשעענישן, גראָד אין דער ריכטונג פון שלום – אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו דעם וואָס מיר האָבן געהערט און געזען אין דער תקופה פוןביידע פייער־איבררייסן: אויגוסט — נאָוועמבער און נאָוועמבער – פעברואַר.

דער ערשטער אָנזאָגער פון דעם ווענדפונקט איז געווען סאַדאַט בכבודו ובעצמו, ווען ר׳האָט אין אַן אינטערוויו אין דער ניו־יאָרקער "ניוזוויק" און אין איינעם פון די בריוו צו ד"ר יאַרינג געלאָזט פאַלן דאָס וואָרט "שלום" מיט ישראל. ביז איצט האָט נאָך קיין איין אַראַבישער מנהיג ניט געוואַגט צו ברענגען אויף די ליפּן אַזאַ אויסדרוק. גראָד דער מצרישער פּרעזידענט האָט ריזיקירט מיט אַ פרידנס־אָפּערטע, וואָס איז אין דער וועלט אויפגענומען געוואָרן מיט מער ערנסטקייט און התלהבות, ווי זיינע מלחמה־דראָונגען.

דערנאָך איז געקומען די רעדע פון פּרעזידענט ניקסאָן צום אַמעריקאַנער פאָלק, מיט 4 פּונקטן בנוגע דעם מיטעלן מזרח. נאָך פאַר דער רעדע האָט דער אונ"אָ־שליח ד"ר יאַרינג אָנגעהויבן אַרויסווייזן מערער איניציאַטיוו, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ פאַרמיטלער און "בריווטרעגער" און פאָרמולירט אייניקע פראַגן פאַר קאַיר און ירושלים, וועלכע האָבן באַדאַרפט פאָרסירן זיין פאַרמיטלונג און קאָנקרעטיזירן די תשובות פון די צדדים.

אפילו אוּ טאַנט האָט געגעבן זיין בײשטייער צו דער ענדערונג, טראָץ דעם אומבאַרעכטיקטן און אומפאַרשטענדלעכן פאָרוואורף אויפן אַדרעס פון ירושלים אין זיין באַריכט צום זיכערקייט־ראַט, ווו ער קריטיקירט אונדזער נישט ענטפערן יאַרינגן בנוגע די מאַנדאַט־גרענעצן.

און ישראל? ספּעציעלע עקיפן פון מומחים און פאָרשטייערס פון אייניקע מיניסטעריומס באַאַרבעטן שוין פלענער און קאָנצעפּציעס פאַרן ד"ר יאַרינג, אין איינקלאַנג מיט די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון מדינת ישראל.

מיט איין וואָרט – דאָס אייז האָט אַ ריר געטאָן אין קאַיר און ירושלים, אין וואַשינגטאָן און אין אונ"אָ. אויך מאָסקווע פאַרשלאָפט נישט די לעצטע געשעענישן און איז ביז גאָר אַקטיוו סיי אויפן געביט פון פּאָליטישער אונטערשטיצונג פאַרן אַראַבישן צד, סיי מיט באַזאָרגן אים מיטן מאָדערנסטן געווער. גלייכצייטיק פּרוּווט זי אַרויסרוקן און אונטערוקן אייניקע סוגעסטיעס, וועלכע זאָלן דינען אירע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן אויפן נאָענטן מזרח און דער עיקר – פאַרמיידן אַ צוזאַמענשטויס מיט אַמעריקע.

אַזוי אַרום שטייען מיר איצט פאַר אַן אַנדערער סיטואַציע וואָס האָט אַ ברירה צו דערפירן צו אַ הסכם אָדער אַ שלום צווישן ישראל און מצרים, נאָך וועלכן ס׳וועט קומען אַ שלום (צי הסכם) אויך מיט ירדן און לבנון.

דער געלינדערטער פּאָליטישער קלימאַט און דער געענדערטער טאָן, האָבן אָבער נישט פאַרמינערט די צאָל שטרייט־פראַגן און וויכער געמאַכט זייער האַרבקייט: 1) אַ שלום־טראַקטאַט צי אַ פאַרשטענדיקונג? 2) נאַוויגאַציע איבערן סועץ. 3) פּליטים. 4) גרענעצן. 5) דירעקטע פאַרהאַנדלונגען.

ס׳איז קלאָר, אַז אפילו קיין איינער פון די פּונקטן האָט נישט געקאָנט געפינען זיין לייזונג ביזן 7טן מערץ – די אולטימאַטיווע דאַטע פון מצרים. סאַדאַט האָט געדאַרפט צוטראַכטן אַ נייעם תירוץ צו פאַרלענגערן — צום פערטן מאָל — דעם פייער־איבררייס.

אוודאי איז שווער צו פאַרוואַרפן אַ בריק צווישן דעם אני מאמין פון גאָלדע מאיר און דעם שטאַנדפּונקט פון ענוּאַר סאַדאַט; צווישן דעם פּלאַן פון וויליאַם ראָדזשערס און דעם אינטערעס פון לעאָניד ברעזשניעוו; צווישן אַ מיינונג פון יאַסיר אַראַפאַט און דעם מלך חוסיין – ווי אַזוי איינשטעלן אַ פרידן אין ראַיאָן. 23 יאָר כּסדרדיקע קאָנפליקטן און 3 מלחמות – לאָזן זיך ניט אָפּווישן מיט איינעם אָדער מערער מצריש־קאַלענדאַרישע אולטימאַטומס. דערצו זענען אין די לעצטע יאָרן צוגעקומען די טעראָריסטן – אַ כּוח וואָס פּרעטענדירט לייזן דעם ישראל־אַראַבישן סיכסוך מיטן כּוח פון געווער.

אונדזער צרה באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס מיר געפינען זיך נישט קיינמאָל מיט מצרים אויג אין אויג, ווי צוויי פּאַרטנערן, וואָס זאָלן זיצן ביים פּאַרהאַנדלונג־טיש און פריי און אומגעשטערט באַשטימען זייער גורל. דער ראַיאָן פון מיטעלן און נאָענטן מזרח, צוליב זיין עשירות אין נעפט און געאָ־פּאָליטישן באַטייט, איז תמיד געווען אַן אָביעקט פון פּאַראינטערעסירונג, אַריינמישונג און אינטריגעס מצד די גרויסמאַכטן. אויך די אַראַבישע וועלט איז שטענדיק געווען צעקריגט צוליב דער שטרעבונג צו העגעמאָניע פון דעם אָדער יענעם הערשער. אָטאָ דער פלאָנטער פון אינטערעסן און קעגנזאַצן מצד גאָר ווייטע מלוכות און נאָענטע שכנים, באַשווערן און קאָמפּליצירן ישראל־מצרישע קאָנטאַקטן און צונויפריידונג. דערפאַר איז דער וועג צו שלום אזא שווערער, מיט אַזוי פיל קאָפּ־ברעכעניש, שטרויכלונגען און האַרץ־קלאַפּעניש.

פונדעסטוועגן איז דעם לעצטן חודש געמאַכט געוואָרן אַ שריט פאָרויס. אָנשטאָט די האַרמאַטן ביים סועץ — "ריידן" אין וואַשינגטאָן יוסף תקוע מיט גונאַר יאַרינג. און דער לעצטער ווידער — מיט אַ־זאַיאַטן. ניט אויסגעשלאָסן (און אין דער פּאָליטיק איז אַלץ מעגלעך), אַז אין קעגנזאַץ צו דעם וואָס ס'איז פאַרגעקומען אין חודש מאי 1967, ווען מיר האָבן מיט שפּאַנונג און דערוואַרטונג געפרעגט "וועט אויסברעכן אַ מלחמה?" — מעג מען היינט מיט פאָרזיכטיקן אָפּטימיזם שטעלן די פראַגע: וועט אויסברעכן אַ שלום?

(פאַ"צ י־ם, פעב' — מערץ 71')

# פיר יאָר נאָר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה

## א

אין די ערשטע טעג פון חודש יוני 1967, ווען מ'האָט אויך דורכן ראַדיאָ געהערט רעזערוויסטן אונטערן געווער, זיינען צווישן צענדליקער פאַרשידענע קאַמופלאַזשירטע באַצייכענונגען פון איינהייטן, וועלכע צה"ל האָט דעמאָלט מאָביליזירט, אויך דערמאָנט געוואָרן אַזעלכע צוויי נעמען: "עבר ועתיד" (פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט) און "שורשים עמוקים" (טיפע וואָרצלען). אַ סברה, אַז די דאָזיקע פיר אומשולדיקע, און אפשר גאַנץ צופעליקע ווערטער מיט וועלכע מ'האָט אָנגערופן צוויי אַרמיי־איינהייטן, האָבן ווי געטראָפן אין פינטל בנוגע דעם מהות און כאַראַקטער פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה: ווייל נאָר אַ פאָלק וואָס האָט נישט פאַרגעסן די ווייטע און נאָענטע **פאַרגאַנגענהייט** זיינע און איז גלייכצייטיק געווען באַזאָרגט בנוגע דער **צוקונפט**; אַ פאָלק וואָס האָט ערשט מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר צוריק ווידער געשלאָגן **טיפע וואָרצלען** אין דער אַלטנייער היים — איז געווען מסוגל אַזוי הערויש צו קעמפן און אָפּהאַלטן אַזאַ שנעלן און פראַכטפולן זיג.

מיר געדענקען גוט יענע טעג: נאַצערס אַגרעסיווע און פּראָוואָקאַטיווע האַנדלונג אין דער העלפט מאי, ווען ער האָט אין סיני קאָנצענטרירט אַ ריזיקע אַרמיי און פּאַנצער־כוחות; דערנאָך בלאָקירט דעם טיראַנער איינגוס; פאַרטריבן די אונ"אָ־כוחות פון עזה־ראַיאָן און פון שאַרם־אַ־שייך. דאָס אַלץ — באַגלייט מיט היסטערישע און דראָענדיקע מלחמה־דערקלערונגען. נישט געווען ביי אונדז דער מינדעסטער ספק, אַז די כוונות פון עגיפּטן און אירע פאַרבינדעטע ירדן און סיריע — זענען אויסן אַ טאָטאַלע מלחמה קעגן דער יידישער מדינה.

דעם 5טן יוני 1967, 8.15 אין דער פרי, איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל אָפּצושטויסן די מצרישע אַגרעסיע וואָס האָט באַדראָט דעם קיום פון ישראל און די לעבנס פון אירע איינוווינער. זייער לאַקאָניש, נאָר טיפזיניק, האָט דאָס געברענגט צום אויסדרוק דער גענעראַל ישעיהו גביש, שעף פונעם דרום־פראָנט, אין יענעם היסטאָרישן טאָג־באַפעל: "דער גורל פון מדינת ישראל ליגט אין אייערע הענט. די אויגן פונעם גאַנצן פאָלק זענען אין דעם מאָמענט געווענדט צו אייך און זענען מתפלל פאַר אייער זיג און געזונט. און גאָט זאָל זיין מיט אייך"...

אין פאַרלויף פון 2 שעה מיט 50 מינוט איז כמעט די גאַנצע מצרישע קריגס־אַוויאַציע געווען צעקלאַפּט און זעקס טעג נאָכן מלחמה־אויסברוך, איז צה"ל געשטאַנען ביים סועץ־קאַנאַל, ווי אויך

60 קילאָמעטער פון דמשק – און אין מזרח ירושלים, יריחו, שכם און ראַמאַללאַ האָט געפלאַטערט די ישראלדיקע פאָן פון נצחון.

וויפל אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און ביכער האָבן אייגענע און פרעמדע געשריבן וועגן דעם שנעלן און עפעקטיוון זיג פון אַ קליינטשיקער אַרמיי איבער גרויסע באַוואָפנטע כוחות פון די אַראַבישע לענדער – און געשטעלט די פראַגע: מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? אייניקע האָבן עס געפּרוּווט אויסטייטשן לויט דער מיינונג פון אַ יונגן אָפיציר פון אונדזערס אַ פּאַנצער־אָפּטיילונג וואָס האָט געזאָגט: ״די מצרים טענהן אַז מיר זענען געווען אַ סך ... אין אַ געווויסער מאָס זענען זיי גערעכט. מיט אונדז האָבן מיטגעשפּאַנט די זעקס מיליאָן״... אַנדערע ווידער האָבן זיך געשטיצט אויף דער אויפקלערונג וואָס אַ פּשוטער זעלנער האָט געגעבן אַ געפאַנגענעם מצרישן סאָלדאַט: ״נאַצער האָט נישט געמיינט בלויז צו אָקופּירן אונדזער לאַנד, טוישן דעם רעזשים און איינשטעלן אַ פרעמדע הערשאַפט, ווי ס׳פירט זיך אין דער וועלט. ער האָט אָפן גערעדט וועגן שליידערן די יידן אין ים אַריין״.

געשען איז אָבער אַנדערש. דער שונא איז גאָר געוואָרן צוריקגעשליידערט פונוואַנען ר׳איז געקומען, זיינע אַרמייען צעקלאַפּט און דאָס ראָד פון דער געשיכטע אויפן נאָענטן און מיטעלן מזרח האָט זיך אַ קער געגעבן אין אַן אַנדערער ריכטונג. מיט נאַצערן איז געשען דאָס זעלבע וואָס מיט נאַפּאָליאָנען און היטלערן: זיי האָבן נאָר געוווּסט ווען זיי הייבן אָן די מלחמה, אָבער נישט געהאַט קיין שליטה ווען און ווי אַזוי זי וועט זיך ענדיקן.

די דערוואַרטונג אין חודש מאַי, די שפּאַנונג אין די ערשטע טעג יוני, דער ציטער אין יענע היסטאָרישע זעקס טעג און דאָס שיכרות פון נצחון שפּעטער – האָבן אויפגעטרייסלט אויך די נישט־יידישע וועלט, צעשטורעמט די געמיטער און הערצער פונעם יידישן פאָלק. אין די תפוצות און אין לאַנד זענען געבוירן געוואָרן ווונדערבאַרע לעגענדעס, רירנדיקע לידער און גראָע, וואָכעדיקע דערציילונגען: ״ירושלים של זהב״ און ״שיח לוחמים״; מעשיות פון גיבורים און וועגן עמך אויף די פראָנטן און אין הינטערלאַנד; באַוווּנדערונג פאַרן יידישן מיליטערישן זשעני און פאַר די עכט־מענטשלעכע האַנדלונגען פון אונדזערע סאָלדאַטן כלפּי דעם שונא. שוין אָפּגערעדט מכוח דעם געפיל פון יידישער אחדות, פונעם באַוווּסטזיין ביי אונדזערן אַ זעלנער, אַז זיין האַרץ קלאַפּט אין איין ריטם און אָטעם מיט די יידישע הערצער אין ניו־יאָרק, וואַרשע, בוענאָס־איירעס, ריגע, מעלבורן, לענינגראַד, פּאַריז, טאַשקענט,לאָנדאָן און מאָסקווע; אַז פּונקט ווי אין דער מדינה גופא האָט דער באַגריף מיזוג גלויות באַקומען אַ גאָר אַנדערן אינהאַלט, אַזוי אויך האָט דער פּסוק ״כל ישראל חברים״ באַקומען אין יענע טעג אַ נייע דימענסיע און דער ציוניזם – אַ גאָר נייעם באַטייט. נישט אַנדערש, דאָס אַלוועלטלעכע יידישע פאָלק און די בירגער פון ישראל האָבן פאַרשטאַנען, אַז צום דריטן מאָל טאָרן מיר נישט פאַרלירן אונדזער זעלבשטענדיקייט; אַז נאָך אוישוויץ און מיידאַנעק טאָר נישט דאָס יידישע פאָלק דערלאָזן צום חורבן בית שלישי.

ב

צומאָרגנס נאָך דעם היסטאָרישן נצחון, זענען מיר אַלע געווען אָפּטימיסטיש, אַז איצט איז דער שלום מיט די שכנים אַ זיכערער, ווייל ביי אַלע אומות און מלחמות האָט זיך געפירט, אַז דער זיגער דיקטירט באַדינגונגען, וועלכע דער פאַרשפּילטער צד נעמט אָן און אַז יעטוועדע קאַפּיטולאַציע ענדיקט זיך מיט אויסגעברייטערטע גרענעצן אויפן חשבון פון געשלאָגענעם און מיט אונטערשרייבן אַ פרידנס־אָפּמאַך, הגם אַן אויפגעצווונגענער. אויך לערנט די דערפאַרונג און געשיכטע, אַז אַ פּייער־איבעררייס נאָך פאַרענדיקטע קריגס־אָפּעראַציעס דערפירט צום פאַרהאַנדלונג־טיש די קעמפנדיקע צדדים. און אַ שלום־הסכם דאַרף אָפּווישן, צי מאַכן פאַרגעסן דעם קאָנפליקט און די בלוט־פאַרגיסונג. עס ווערן איינגעשטעלט נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, מען לעבט זיך צונויף ווי שכנים, מיט אַן אויסטויש פון האַנדל, קולטור, ספּאָרט־באַציונגען. אַזוי טאַקע איז דאָך פאָרגעקומען אין אייראָפּע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. ס׳האָט נישט גענומען קיין סך צייט, אַז אַלע אָן אויסנאַם מדינות וועלכע האָבן

געליטן פון דער שוידערלעכער נאַצישער אָקופּאַציע אַ סך חדשים און יאָרן, האָבן זיך איבערגעבעטן מיטן נעכטיקן שונא און דערגאַנגען צו אַ נאָרמאַליזאַציע אויף כמעט אַלע געביטן פון מלוכהשן לעבן.

נאָר ווייזט אויס, אַז די געזעצן וועלכע גילטן ביי כל הגויים, זיינען נישט חל אין אונדזער ראַיאָן, און באַזונדערס — כלפּי ישראל. דעם 11טן יוני 1967 האָט דער זיכערקייט־ראַט באַשלאָסן וועגן פייער־איבערייס צווישן ישראל מיט מצרים, ירדן און סיריע; מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז דורך דער זעלבער אונ״אָ־אינסטאַנץ אָנגענומען געוואָרן דער באַרימטער באַשלוס נומער 242 וועגן אַ פרידלעכע לייזונג צווישן די צדדים. זינט יענע 2 באַשלוסן, איז אַ סך וואַסער אָפּגעפלאָסן אין ירדן, פיל אומשולדיק (און אויך שולדיק) בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן; הונדערטער נאָטעס און בריוו אויף דער טעמע זענען צעשיקט געוואָרן און טויזנטער רעדעס האָבן זיך געלאָזט הערן אין דעם רוב הויפּטשטעט אין דער וועלט. יעדער צד, אַ פאַראינטערעסירטער, אָביעקטיווער צי קעגנערישער, האָט לויט זיין שטייגער און אויפפאַסונג פּרובירט דערפירן צו אַ באַרויקונג אויפן נאָענטן מזרח — אָבער אין מיליטעריש־סטראַטעגישן זין שטייען מיר נאָך אַלץ אויפן זעלבן אָרט, בעת אויפן פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן פראָנט, הגם זייער אַ דינאַמישער, מיטן אַקטיוון אָנטייל פון די גרויסמאַכטן און דעם אונ״אָ־פאַרמיטלער ד״ר יאַרינג — איז נאָך אַלץ אַ פאַרגליווערונג, בעצם — אַ קריכנדיקער פּראָוויסגאַנג, מיט אַן אָפטן צוריקכאַפּן זיך.

ג

די דעקלאַרירטע ישראל־פּאָליטיק מיט פיר יאָר צוריק איז געווען אַ קלאָרע און אויפריכטיקע: דירעקטע שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט די שכנים, דערפירן צו זיכערע און איינפאַרשטאַנענע גרענעצן, אָפּשאַפן דעם מלחמה־צושטאַנד און איינשטעלן נאָרמאַלע, גוט שכנותדיקע באַציונגען. אונדזער צוגאַנג איז געווען, אַז בעצם קאָן מען אַדורכקומען אין אַלע שטרייט־פראַגן און ס׳איז נישטאָ אַזאַ פּראָבלעם וואָס לאָזט זיך ניט רעגולירן ביים פאַרהאַנדלונג־טיש.

מען זאָגט, אַז אַנטקעגן דער ישראלדיקער לאָגיק , זענען פאַראַן אַראַבישע **געפילן** (הגם פּסיכאָלאָגן רופן דאָס אָן **קאָמפּלעקסן**). קאָן זיין, אַז דערפאַר ווירקן נישט אין דעם ראַיאָן קיין פאַרטנערן. ווייל וועגן גורל פון דעם טייל וועלט, לאָזט מען נישט באַשטימען די פעלקער וואָס וווינען דאָ, וואָס זיינען דאָ פאַרוואָרצלט און פאַרמאָגן זייערע סוּווערענע מדינות. אין דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, פונקט ווי אין דער איצטיקער תקופה, האָט יעדע גרויסמאַכט געהאַט איר עגאָיסטיש־אימפּעריאַליסטישן אינטערעס און שטרעבונג אַריינצושטעלן אַ פוס אין אַ ראַיאָן וואָס איז אַזוי רייך אין נעפט און איז איינער פון די וויכטיקסטע געאָ־פּאָליטישע פונקטן צווישן דריי קאָנטינענטן. רוסלאַנדס אַריינדרינגען אַהער האָט געקענט פאָרקומען נאָר אין שיכות מיטן ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, בפרט נאָך, אַז דער קרעמל איז געבליבן טריי זיין אַנטי־ציוניסטישער שטעלונג און שטעלט נאָר אויף דער אַראַבישער קאָרט, ווייל ער שפּייזט זיך פונעם קאָנפליקט אויפן נאָענטן מזרח. אמת, געווען אויך באַשטימטע תקופות, ווען מאָסקווע האָט אַמאָל געוויזן חנדלעך צו ירושלים און אפילו זי געשטיצט, ווי דאָס איז געשען ערב און נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. נאָר דאָס זעט היינט אויס ווי אַ ווייטע, כמעט פאַרנעפּלטע פאַרגאַנגענהייט, דער עיקר

צוליב זייער בייזוויליקער און ממש באַדראָענדיקער קעגנוואַרט. נישט אַנדערש, איינער פון די וויכטיקסטע שטערערס צו דערגרייכן אַ שלום אין ראַיאָן, איז דער ראַטנפאַרבאַנד בכבודו ובעצמו.

כדי אָפּצושוואַכן די סאָוויעטישע השפעה אין אַ ראַיאָן וואָס איז ערשט נישט לאַנג באַטראַכט געוואָרן ווי די איינפלוס־ספערע פונעם מערב, האָט וואַשינגטאָן, מיט איר גאַנצער אמתער פריינדשאַפט און עפעקטיווער מיליטערישער און עקאָנאָמישער הילף וואָס זי גיט ישראל, אויך געמוזט אָנהייבן שיקלען צו די אַראַבער. דערפון דער ראָדזשערס־פּלאַן און די פּיבערהאַפּטע טעטיקייט פון זיין מיניסטעריום צו פאָרסירן אַ הסכם צווישן ירושלים און קאַיר. די מאָטיוואַציע פאַר אַמעריקעס האַנדלונגען איז נישט נאָר דערפירן צו אַ שלום אין ראַיאָן וואָס וועט דערווייטערן די געפאַר פון אַ מעגלעכן פאַרמעסט צווישן ביידע גרויסמאַכטן, נאָר קודם כל און דער עיקר: איינהאַלטן די מאָגערע פּאָזיציעס, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן פאַרן מערב אין דעם ראַיאָן (סאודיע, ירדן און לבנון) און אָפּשוואַכן די סאָוויעטישע השפעה אין מצרים, סיריע, איראַק און זייערע ווייטערע שכנים. קלאָר אַז דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר אויפן חשבון פון ישראלס ווייטגייענדיקע ויתורים און קאָמפּראָמיסן.

אַזוי גאַנצע פיר יאָר, הגם מיט פאַרשידענע ענדערונגען. אַמאָל מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור, אַמאָל מיט שטילע טענער; אַמאָל ד״ר יאַרינג, אַמאָל או טאַנט; איינמאָל קאָסיגין, אַן אַנדערש מאָל – סענאַטאָר פולברייט. און איבער זיי אַלע – סאַדאַט און זיין פאַרשטאָרבענער פאָרגייער נאַצער; דער מלך חוסיין און די סירישע הערשער; בומעדיען און נומיירי. די לעצטע נעמען גאָר הויכע טענער, דראָען און וואָרענען. נאָר פאַר דער גאַנצער צייט האָבן מיר איינגעהאַלטן די נערוון און אויסגעהאַלטן דעם דרוק.

ד

דער־אָ דרוק און נערוון־שפּאַנונג איז נישט געווען בלויזע מויל־מלאכה. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז פאַר די פיר יאָר האָבן מיר געהאַט נאַצערס אויסמאַטערונג־מלחמה און יאַסער אַראַפאַטס טעראָריסטן־אַרמיי. די מצרישע קאַנאָנאַדע ביים סועץ האָט זעלטן ווען געוווּסט פון איבעררייסן און די "קאַטיושאַס" האָבן אָפּט באַשאָסן קרית־שמונה און בית שאן, די ישובים אין עמק הירדן און אין רמת הגולן. די דיווערסאַנטן האָבן געלייגט באָמבעס אין קינאָ־זאַלן און אויף מערק, אין עפנטלעכע ערטער און אין שולן. דער עזה־פּאַס האָט קיין איין טאָג נישט באַפרייט זיך פונעם רוצחישן טעראָר, וועלכער האָט אגב מערער געטראָפן דער אָרטיקער, אַראַבישער באַפעלקערונג, ווי דעם ישראלדיקן זעלנער צי בירגער.

מיט איין וואָרט – צום פּסיכאָלאָגישן, דיפּלאָמאַטישן און פּאָליטישן דרוק, איז אויך צוגעקומען אַ מיניאַטור־מלחמה ביים סועץ, באַגלייט מיט טעראָר־און דיווערסיע־אַקטן. נאָר אויך אויף דעם פראָנט איז מדינת ישראל געלונגען צו באַהערשן דעם יצר, נישט אויסלאָזן דעם כעס צו דער פרידלעכער באַפעלקערונג אין יהודה און שומרון. מ'האָט איר דערמעגלעכט צו באַקומען אַרבעט אין די ישראל־געביטן גופא, מ'האָט אויף די ערטער אויפגעשטעלט אַ ריי אונטערנעמונגען צו געבען באַשעפטיקונג, געעפנט פאַך־קורסן פאַר יוגנטלעכע. און דאָס עיקרדיקסטע – די אָפענע בריקן צווישן יהודה און שומרון מיט ירדן, די מעגלעכקייט, אַז טויזנטער קרובים פון די פיינטלעכע אַראַבישע לענדער זאָלן קענען זומער, בעת די פּעריען, באַזוכן זייערע נאָענטע אין די געביטן מיט וועלכע עס פאַרוואַלטעט ישראל. דוכט זיך, אַז קיין שום אָקופּאַציע־רעזשים אין דער וועלט און אין אַלע צייטן האָט נישט געשאַפן אַזאַ פּרעצעדענס פון אַ באַפעלקערונג־ און סחורות־אויסטויש און קיינמאָל איז ניט געווען איינגעשטעלט אַזאַ ליבעראַלער קורס מצד אַ פרעמדער אַרמיי, ווי צה״ל פירט זיך אויף די פאַרנומענע געביטן.

אין מזרח ירושלים דערשיינט אַ טעגלעכע אַראַבישע צייטונג ("על קודס"), וווּ ס'ווערן אָפּגעדרוקט אַ סך אַנטי־ישראלדיקע אַרטיקלען. קיין איין טויט־אורטייל איז נאָך ניט אַרויסגעטראָגן געוואָרן, אפילו אויפן סאַמע געפערלעכן און רוצחישן טעראָריסט, פונקט ווי ס'איז ניט דערשאָסן געוואָרן קיין איין דעמאָנסטראַנט אין עזה, חאַן־יוניס צי שכם בעת שטורמישע אומרוען מיט אַ יאָר

און צוויי צוריק. די באַפעלקערונג פון די פאַרנומענע געביטן געניסט איצט פון מערער פרייהייט, ווי בעת דער הערשאַפט פון נאַצערן און חוסיינען. דאָס וויכטיקסטע — ביים יידישן זעלנער און בירגער איז נישטאָ קיין שנאה צום אַראַבער.

אויב צו דעם צוגעבן דעם לעצטן באַשלוס פון דער רעגירונג וועגן באַשטימען דעם אַראַבישן כנסת־דעפּוטאַט אַבדול עזיז זועבי (פון מפ״ם־מערך) אַלס וויצע־מיניסטער פאַר געזונטהייט — אגב, דער ערשטער פון די מינדערהייטן אויף אַזאַ אַמט — וועט דאָס בילד פון ישראלדיקע טענדענצן און באַציונגען כלפּי דער אַראַבישער באַפעלקערונג, זיין נאָך בולטער און קלאָרער.

ה

דאָס נישט וועלן צוריקטרעטן פון די פאַרנומענע געביטן, לויט דער פאָדערונג פון די אַראַבער און סאָוויעטן, ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון די פראַנצויזן, איז נישט דיקטירט פון אַנעקסיע־אַפּעטיטן, נאָר מען מוז האַלטן די דאָזיקע שטחים ווי א ״משכון״, בכדי זיך זעצן צום טיש, פאַרהאַנדלען און אַנטשיידן. עס ווילט זיך, פּראָסט און פּשוט, אויסמיידן נאָך אַ מלחמה. נאָר כל זמן ס׳איז נישטאָ קיין שלום, קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אַ צוריקטריט, דערצו נאָך אָן באַדינגונגען, אָן קאָמפּענסאַציע, אָן זיכערקייט אויף אַ דויערהאַפטן פרידן.

נאָר אַ דאַנק דעם וואָס מיר האָבן אין פאַרלויף פון די פיר יאָר נישט קאַפּיטולירט פאַר די סאָוויעטן; נישט צוליב געטאָן פראַנקרייך; ניט דערשראָקן זיך פאַר די אַראַבער און אויך געוואַגט צו זאָגן ראָדזשערסן ״ניין״ אויף זיין פּלאַן — האַלטן מיר איצט פאַרט ביים צענטן חודש פון פייער־איבערייס ביים סועץ; די טעראָריסטן־באַוועגונג איז כמעט צעקלאַפּט און די אויסזיכטן אויף שלום זענען נישט קלענער, אויב ניט אַ סך גרעסער, ווי אין יוני 1967, אפילו ווען דאָס אָרט פון גונאַר יאַרינג האָט פאַרנומען דזשאָזעף סיסקאָ. אַ טיילוויזיע לייזונג האָט אַ ברירה צו זיין דער פּרוזדור צו אַן אַלגעמיינער לייזונג און דאָס עפענען דעם קאַנאַל וועט אפשר עפענען אויך הערצער און מוחות פאַר אַ פאַרשטענדיקונג. פאַראַן געגנוג אַרגומענטן פאַר אַזאַ אָפּטימיזם.

ו

אויב מיר זענען איצט עדות פון אַזאַ דראַמאַטישן און מסירות־נפשדיקן קאַמף פונעם סאָוויעטישן יידנטום, באַזונדערס פון דער יוגנט, פאַר דער רעכט עולה צו זיין און זיך באַהעפטן מיטן אייגענעם פאָלק און לאַנד — איז עס אומבאַדינגט אויך אַ פּועל־יוצא פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, די זאָרג און ציטער פאַר איר אויסגאַנג און די פרייד און עמאָציעס נאָכן נצחון. דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס פון די סאָוויעטישע יידן לערנט אונדז, אַז אויך זיי, פּונקט ווי מיר פאַרשטייען, אַז ביי אַ פאָלק וואָס האָט צוויי טויזנט יאָר געפילט דעם ביטערן טעם פון היימלאָזיקייט — באַטייט דאָס וואָרט היימלאַנד אַ סך אַ מער ווי אַ דאַך איבערן קאָפּ...

(פּא״צ י־ם, מאַי 71׳)

## דריי פראָנטן

די פּאָליטישע און סאָציאַלע ״לאַנדשאַפט״ אין דער מדינה, אין אונדזער ראַיאָן און אין די תפוצות, האָט אין די לעצטע וואָכן באַקומען אַ גאָר אַנדערן אויסזען און באַטייט. עפּעס האָט זיך געענדערט אין דער אינערלעכער לאַגע אין ישראל, אויפן נאָענטן און מיטלען מזרח און אין דער גרויסער וועלט. ווידער אַמאָל שטייען מיר אַנטקעגן דריי פראָנטן מיט די אַלטע, באַנייטע און לגמרי נייע פּראָבלעמען. הגם ס׳איז נאָך פריצייטיק צו ריידן וועגן אַן איבערראַשונג פון ווערטן, אָבער קלאָמערן זיך ביים אַלטן, צי באַגנוגענען זיך מיט קאַזשאַנע פאָרמולעס, אָדער ווייטער שפּאַנען אויפן אויסגעטראָטענעם וועג — איז אויך נישט די ריכטיקע ״רעצעפּט״ פאַר דער איצטיקער תקופה.

### אין דער היים

אין דער לעצטער צייט האָט זיך געוורודערט אין לאַנד מיט דעמאָנסטראַציעס און אויפטריטן פון די ״שוואַרצע פּאַנטערס״, מיט פאַרביסענע שטרייקן, פאַרכאַפּטע דירות מצד יונגע פּאָרלעך

און פילקינדער משפחות און באַנייטע שומרי־שבת דעמאָנסטראַציעס פון די נטורי־קרתא אין ירושלים. די מלוכהשע און מוניציפּאַלע אָרגאַנען, די כנסת און הסתדרות, זענען געווען געצווונגען צו פאַרנעמען זיך מיט אַ סך אויפקלערונג, באַרויקן די געמיטער, פאַרמיטלען און אויסגלייכן, טיילמאָל אויך נעמען אַ הויכן טאָן, כדי נישט דערלאָזן, אַז ווען אפילו די פאָדערונגען און קאַמפן זענען גערעכטע, טאָרן זיי נישט דערפירן צו טעראָר און אַנאַרכיע.

נעמט, למשל, די "שוואַרצע פּאַנטערס" – אַ נאָמען וועלכן ס'האָבן זיך צוגעאייגנט אומצופרידענע יוגנטלעכע, אָפּשטאַמיקע פון אַזיע און אַפריקע, איינוווינערס פון די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן. גוט וואָס זיי האָבן געוואָלט נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט, אויסקעמפן פאַר זיך אַ בעסערן עקאָנאָמישן מעמד, דערגרייכן מער בילדונג און וויסן, פּרווון פאַרווישן די פאַראַנענע אונטערשיידן צווישן די ספרדישע און אשכנזישע יידן. די פראַגע איז נאָר, צי באַרעכטיקט דאָס אַלץ צו אימפּאָרטירן דעם נאָמען פאַר זייער אָרגאַניזאַציע אַזש פון אַמעריקע (ווי להבדיל, "קאָקאַ־קאָלאַ") און דערביי נאָך אָנווענדן שאַרפע גענג?

ווייל סיי דער נאָמען מיט וועלכן עס טיטולירט זיך אַן עקסטרעמע נעגער־באַוועגונג אין די פאַר. שטאַטן און באַהאַלט נישט אויס איר אַנטיסעמיטיזם, ווי אויך די מעטאָדן מיט וועלכע אונדזערע "פּאַנטערס" האָבן זיך באַנוצט – זענען פרעמד דעם גייסט און טראַדיציע פון אונדזער מדינה, וועלכע האָט דורכגעמאַכט פיל סאָציאַלעקאַמפן. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז יעטוועדע פון די פאַראַנענע פּאָליטישע פּאַרטייען אין ישראל, סיי פון די וואָס זענען פאַרטראָטן אין דער קאָאַליציע און סיי פון די וואָס געפונען זיך אין אָפּאָזיציע און פאַרמאָגן דעפּוטאַטן אין כנסת, אַן אייגענע פרעסע און מעגלעכקייט צו לאָזן הערן זייער וואָרט אין ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען – וואָלט זיכער גרייט געווען צו געבן אַפּוטרופּסות, אכסניה און פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, מאָראַלישע און פינאַנסיעלע הילף דעם דאָזיקן נייעם כוח. די היימישע "פּאַנטערס" האָט אָבער פאַרפעלט אַ לאַנגער אָטעם, אויסקריסטאַליזירטער פּראָגראַם, אַ טראַדיציע פון וועלכן ס'איז געזעלשאַפטלעכן געראַנגל, דערפאַרענע מנהיגים און אַ... באַלאַנסירנדיקן בליק אויך אויף די **אויפטועון** און **דערגרייכונגען** פון לאַנד אין די לעצטע 23 יאָר.

און ביז גאָר שאָקירנדיק איז געווען זייער טענה, הלמאי די עולים פון רוסלאַנד באַקומען נייע דירות, בעת זיי וווינען נאָך אַלץ אין "סלאַמס" – אָדער אַזעלכע אויפשריפטן אויף די טראַנספּאַרענטן, ווי: "גאָלדע, לערן אונדז יידיש!". און וואָס שייך דער נאָענטער נסיעה פון זייערע פאָרשטייערס צום אַמעריקאַנער יידנטום, האָט דער מנהיג פון די "פּאַנטערס", סעדיה מאַרציאַנאָ, דערקלערט אין תל־אביב, אויף אַן אָפענעם פאָרום פון די זשורנאַליסטן: "ס'ערשטע מאָל וועט דאָרט נישט דערשיינען עמעץ פון דער סוכנות, אַ בערקאָוויטש צי אַ ווייסבערג – נאָר ביטאָן און אַבאַרדזשיל"... ניט אַנדערש: פון געוויסע לאָזונגען און פאָדערונגען זייערע (וואָס אַ גרויסער טייל האָט אַ באַרעכטיקונג), האָט זיך פאָרט געטראָגן אַ "ראַסיסטישער" ריח, וועלכער האָט דערמאָנט דעם אַמעריקאַנער־נעגערישן "אָריגינאַל". ס'איז דאָך אַ באַוווסטע זאַך, אַז דירות, באַשעפטיקונג, בילדונג, פרנסה – האָט די ישראל־רעגירונג געטיילט די עולים נישט לויט די אָפּשטאַם־לענדער, צי לויט אַ שבטים־שליסל. פונקט ווי דער ענין פּראָפעסיע, דערציונג, קולטור, מענטאַליטעט, טאַלאַנט און פעיקייט, געפונען זיך אויסערן תחום פון פּראָטעקציע אָדער געשאַנק. בדרך כלל דאַרף מען אויף דעם אַלעמען גאַנץ שווער האָרעווען, אַמאָל אפילו אַ גאַנץ לעבן (און ניט תמיד – מיט דערפאָלג), כדי זיך דערשלאָגן צו אַ פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט. אמת, אויך דעמאָנסטראַציעס און קאַמפן האָבן אַ ברירה צו זיין אַמאָל בייהילפיק, נאָר אין אונדזער פאַל איז עס געווען צו האַסטיק, מיט אַ סך גוזמא און ניט ווייניק דעמאַגאָגיש.

מדינת ישראל איז אַ קלאַסיש לאַנד פון אימיגראַציע. עליה און קליטה פאַרנעמען דאָס צווייטע אָרט, באַלד נאָך זיכערקייט. אָן עליה האָט דאָס לאַנד תמיד דורכגעמאַכט אַ סטאַגנאַציע. בוי און אַנטוויקלונג פון ישראל איז שטענדיק געגאַנגען האַנט־ביי־האַנט מיטן צושטראָם פון נייע עולים. מיט וויפל שטאָלץ און פרייד האָבן זיך אָנגעפולט אונדזערע הערצער צוליב דער דערוואַכונג פון די סאָוויעטישע יידן, וואָס אפילו אַזאַ דאָגמאַטישער רעזשים ווי אין מאָסקווע, האָט געמוזט

אַנטקעגנקומען, הגם טראָפּנווייז, זייער פֿאַרלאַנג און דערמעגלעכט זיי צו קומען אין יידישן לאַנד. דערפֿאַר איז דאָס פֿאַרכאַפּן אייניקע נישט־פֿאַרענדיקטע דירות פֿאַר נייע עולים אין אשדוד, באר־שבע, תל־אביב און ירושלים אויפֿגענומען געוואָרן ווי אַ בפֿירושער אַנטי־עליה אַקט, באַגלייט מיט אַזאַ אומיושרדיקער און שעדלעכער פֿאַרטיילונג פֿון "מיר" (די כלומרשט באַוועלהטע יונגע פּאָרלעך) און "זיי" (די כלומרשט פּריווילעגירטע עולים).

ס'איז נישט קיין סוד, אַז מיר זענען, דוכט זיך, דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס דאַרף אויסגעבן 40% פֿונעם בודזשעט אויף באַוואָפֿענונג, באַשטימט פֿאַר בילדונג, געזונטהייט, קליטה, סאָציאַלע לייסטונגען און באַדינונגען, וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג אאז"וו אאז"וו.

מען מעג זיך באַציִען מיט דער פֿולער ערנסטקייט צו דער דערקלערונג פֿון מיניסטער ספּיר אין דער פֿינאַנס־קאָמיסיע פֿון דער כנסת, אַז אויב דער פֿייער־איבעררייס וועט ווייטער אָנהאַלטן, זעט זיך פֿאָר צום ערשטן מאָל אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרקירצן דעם זיכערקייט־בודזשעט איןנאָענטסטן יאָר מיט אַ מיליאַרד ל"י.

זייער אַן אָפּטע דערשיינונג אין ישראל זענען געוואָרן – שטרייקן. הונדערטער טויזנטער אַרבעטס־טעג זענען דעם לעצטן יאָר געגאַנגען פֿאַרלוירן, די שפּאַנונג צווישן דעם אונטערנעמער און לוין־אַרבעטער איז געשטיגן, די פּראָדוקציע איז צוליב דעם געפֿאַלן. בדרך כלל לײַדט דאָס פּשוטע פֿאָלק פֿון די אָפּטע לוין־קאָנפֿליקטן – פֿון די בריוו־טרעגערס, לערערס, , באַאַמטע עלעקטריציטעט־אַרבעטער, פּאָרט־אָנגעשטעלטע, שפּיטאָלן־פּערסאָנאַל, אויטאָבוסן־געזעלשאַפֿטן און טעלעפֿאָן־אַרבעטער.

אזוי זענען הונדערטער קראַנקע געווען דער קרבן פֿונעם לאַנג־דויערנדיקן סיכסוך צווישן די 3500 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די מלוכהשע שפּיטאָלן און דעם געזונטהייט־מיניסטעריום. דער שטרייק איז נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן צוליב די צושמיד־באַפֿעלן וועלכע דער מיניסטער האָט געמוזט אָנווענדן לגבי די שטרייקנדיקע, אויפֿן סמך פֿון די תקנות פֿון אויסנאַם־צושטאַנד, ווייל ס'האָט זיך ממש געהאַנדלט אין פּיקוח נפֿש, ניט לאָזן אויף הפֿקר קראַנקע אין די שפּיטאָלן. דער גורל האָט געוואָלט, אַז די דאָזיקע תקנות זאָלן ווערן אָנגעווענדעט גראָד כלפּי די שוואַך־באַלוינטע אַרבעטער און דווקא פֿון אַ מפּ"מישןמיניסטער, בעת מיט די שטרייקנדיקע פֿאַר צוגאַבן און פֿאַרבעסערונגען צו די פֿאַרהעלטניסמעסיק הויכע לוינען – באַמיט מען זיך אַדורכצוקומען מיט גוטן.

די פֿראַגע פֿון "דורכקומען מיט גוטן" האָט אויך אַ שייכות צו די באַנייטע דעמאָנסטראַציעס פֿון די נטורי קרתא. הגם זיי אַליין מיינען ערלעך און אויפֿריכטיק אָפּצוהיטן דעם שבת־רו, דאָך באַוואַרפֿן זיי מיט שטיינער די אויטאָבוסן און פּריוואַטע אויטאָס – און דווקא אין די שבתים. מיר האָבן זיך אומגעקערט צו דער נישט ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון אַ צעשטערטן שלום־בית, אַנטאַגאָניזמען און קעגנזײַטלעכע אָנשוויונגען צווישן פֿרומע און וועלטלעכע, צווישן אַרבעט־געבערס און אַרבעט־נעמערס, עולים און ותיקים אדג"ל. נאָר למען האמת, דאַרף מען זיך נישט נעמען דערפֿון צו שטאַרק צום האַרצן. מיר לעבן פֿאָרט אין אַ לאַנד ווו ס'זענען דערלאָזבאַר און אָנגענומען סאָציאַלע קאַמפֿן, פּאָליטישע פֿאַרמעסטן, אידעישער געראַנגל, אַ פֿרײַ, אומאָפּהענגיק געריכט־וועזן און אַן אומקאָרומפּירטע פּרעסע מיט זשורנאַליסטן, וואָס באַקומען נישט קיין געהאַלט פֿון דער רעגירונג. די פֿראַגע איז נאָר, צי מוזן די אַרויסטרעטונגען פֿון די "פֿאַנטערס", פֿון שטרייקנדיקע, פֿון די נתורי קרתא און פֿון די יונגע פּאָרלעך, זײַן באַגלייט מיט עקסטרעמע אַקטן, וועלכע שטרייטן ווייט אַריבער אָנגענומענע פֿאָרמען און מיטלען. און צו טעראָר – דאַרף אוודאי נישט דערגיין, כל־זמן ער האָט נאָך נישט אויפֿגעהערט מצד אונדזערע שכנים.

## ביי די נאָענטע און ווייטערע שכנים

דאָ ניט לאַנג האָט דער שעף פֿון דער ישראל־אַרמיי, גענעראַל חיים בר־לב, אויפֿגענומען די גרופּע זעלנער וואָס האָט ליקווידירט די "פֿאַטאַך" – טעראָריסטן וועלכע האָבן פֿון "קאַטיושאַס"

באַשאָסן פּתח־תּקוה. די דאָזיקע צה״ל־סאָלדאַטן האָבן באַקומען אַ סך שבחים און אַנערקענונג. נאָר אונדז שיינט, אַז די העכסטע ישראל־אויסצייכענונג פאַר באַקעמפן די־אַראַבישע טעראָריסטן האָט זיך פאַרדינט... חוסיין, דער מלך פון ירדן. פון סעפּטעמבער 1970 ביז יולי 1971 האַט ניט קיין אַנדערער ווי נאָר ער, ליקווידירט די עיקר־באַזעס פון די טעראָריסטן – מיט זיי צוזאַמען.

״מיט אַ יאָר צוריק״ – שרייבט דער לאָנדאָנער ״עקאָנאָמיסט״ – ״האָט מען געמיינט, אַז ראַבאַט־אמאָן וועט זיין האַנוי און די טעראָריסטן – וויעטקאָנג, וואָס וועלן דערגיין ישראל די יאָרן ווי אין דרום־וויעטנאַם״. אָבער היינט זענען מיר עדות, ווי די ״פאַטאַך״־לייט, געיאָגט און געפּלאָגט פונעם ירדנער לעגיאָן, אַנטלויפן גאָר אויף דער ישראל־טעריטאָריע און מיט אויפגעהויבענע הענט גיבן זיי זיך איבער צו אונדזערע זעלנער. די פון זיי פאַרהאַסטע ישראל, וועלכע מ׳האָט געוואָלט אומברענגען צוזאַמען מיט אירע איינוווינערס – איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זיכערן מקלט, ווו זיי באַקומען עסן, טרינקען אַ דאַך איבערן קאָפּ – אפילו אין תּפיסה, אָבער זיי דראָט נישט דער טויט. ביים איבערגעבן זיך אין אונדזערע הענט, האָבן די טעראָריסטן קודם כל געבעטן, אַז מ׳זאַל זיי ניט אויסליפערן צו די אַראַבער... ״גלייכער צו שטאַרבן אין ישראל, איידער דערהרגעט צו ווערן פון די ירדנער ברידער״ – האָבן זיי געטענהט.

אַ גרעסערן שפּיצל האָט די געשיכטע נישט געקאָנט אָפּטאָן דעם ירדנער קיניגרייך, ווו ס׳האָבן זיך געפונען די הויפּט־באַזעס און טויזנטער טעראָריסטן מיטן איין־און־איינציקן ציל: זייען טויט און פאַרוויסטונג אין ישראל. נאָר דאָס האָט געווירקט ווי אַ בומעראַנג. ירדן גופא איז געוואָרן די הויפּט־אַרענע פאַר טעראָר און אַנאַרכיע. פאַרן רעזשים דאָרט איז מיט דער גאַנצער האַרבקייט געשטאַנען די פראַגע: פאַרטרייבן די טעראָריסטן, אָדער רעזיגנירן פון טראָן. חוסיין האָט אויסגעקליבן דאָס ערשטע – און מיט אַ סך אַנטשלאָסנקייט און דערפאָלג.

די דראַמע וואָס האָט אין חודש יולי 1971 זיך אָפּגעשפּילט אויף ביידע זייטן ירדן, וועט נאָך געפונען איר ריכטיקע באַלייכטונג און אָפּשאַצונג מצד היסטאָריקערס, סאָציאָלאָגן און פּסיכאָלאָגן. אַלנפאַלס, די נייעסטע געשיכטע פון נאָענטן מזרח וועט נישט קענען פאַרפעלן דאָס דאָזיקע באַלערנדיקע קאַפּיטל...

און נאָך עפּעס: אָט קומט זיך צונויף אין טריפּאָלי אַן אַראַבישע שפּיצן־קאָנפערענץ, אויף וועלכער מען דערמאָנט נישט כמעט מדינת ישראל, מען מאַכט זיך פאַרגעסן אין גאָלדע מאיר און משה דיין, ווייל דער ״שונא נומער איינס״ פון דער אַראַבישער וועלט איז גאָר – דער ירדנער מלך חוסיין. דאָסמאָל איז ער דער הויפּט־אָביעקט פאַר אַטאַקעס, דראָונגען און פאַראורטיילונגען מצד די אַראַבישע לענדער און קאַדאַפי פון ליביע פאָדערט אפילו אַ בשותּפותדיקע מיליטערישע אינטערווענץ אין ירדן.

בכלל האָט ליביע אַ שוואַכקייט צו אינטערווענצן. אָט אַנגאַזשירט זי זיך אָפן אין דער פאַרשווערונג קעגן קיניג פון מאַראָקאָ, כאַסאַן. באַלד דערנאָך העלפט זי דעם גענעראַל נומיירי דערשטיקן די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע אין סודאַן. דער דאָזיקער קאַדאַפי, וועמענס אַמביציע ס׳איז צו ירשנען נאַצערן ווי אַ מנהיג פון דער אַראַבישער וועלט, איז אוודאי און אוודאי אויך אומפּשרותדיק כלפּי ישראל. אַ דיקטאַטאָרישער הערשער, וועמענס טעגלעכע הכנסה פון נעפט באַטרעפט 4 מיליאָן דאָלאַר – פוצט ער זיך טאַקע אין פעדערן פון אַ גביר אַ תּקיף. נאָר אויב ס׳איז נאַצערן ניט געלונגען איינצושטעלן אחדות אין דער אַראַבישער וועלט, וועט דאָס אוודאי ניט געלונגען דעם 32־יאָריקן אָפיציר קאַדאַפי, בפרט איצט, ווען דער רוב אַראַבישע מדינות איז אַזוי צעריסן און צעקריגט צווישן זיך און כמעט יעדער מדינה באַזונדער מאַכט אַדורך אויפטרייסלונגען פון אינעווייניק.

אין מאַראָקאָ און סודאַן אַרבעטן דיקריגס־געריכטן און עקזעקוציע־פּלוטאָנען מיט תּליינים האָבן פולע באַשעפטיקונג. אין מצרים דאַרף די טעג זיך אָנהייבן דאָס געריכט איבער אַלי צאַברי, פאַוזי און דזשועמא. אַ סברה, אַז אויך זיי דערוואַרט טויט־שטראָף. אויך אין איראַק דאַרף מען משפּטן אייניקע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן רעזשים אין באַגדאַד.

אַבער נישט קיין קלענערע איבעראַשונג (און אַנטוישונג) האָט גראָד מאָסקווע אין דעם ראַיאָן. דער קרעמל האָט בדרך כלל געוווּסט צו מאַכן אַ שווייג, צוליב עגאָיסטיש־מלוכהשע אינטערעסן, אויב אַ לאַנד מיט וועלכן ער האָט געהאַט איינגעשטעלט פריינטלעכע באַציִונגען, האָט גערודפט און אפילו געטויט קאָמוניסטן. אין מצרים איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אומלעגאַל, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סירישער קאָמפּאַרטיי ריכט אָפּ גלות שוין אַ פּאָר שיינע יאָר – אָבער דאָס שטערט נישט ברעזשניעוון און פּאָדגאָרנין צו קושן זיך אָפּט (ווי מען זעט דאָס אין דער טעלעוויזיע) מיט סאַדאַטן און אַסאַדן, די פּרעזידענטן פון יענע צוויי לענדער. נאָר די תּליות אויף וועלכע עס וויגן זיך די אויפגעהאָנגענע קאָמוניסטישע מנהיגים אין סודאַן האָבן דאָסמאָל יאָ באַוווּיגן דעם ראַטנפאַרבאַנד צו פּראָטעסטירן און אפילו רופן צו אָרדענונג נומיירין. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ביידע מדינות האָבן צוריקגעשיקט די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער, וואָס מיינט פאַקטיש – איבערגעריסענע באַציִונגען.

אויב צו דעם צוגעבן דאָס אָפּשטעלן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צווישן סודאַן און איראַק, ווי אויך די אָפּגעשלאָסענע גרענעץ צווישן סיריע און ירדן – וועלן מיר האָבן אַ קאָמפּלעט בילד פונעם מיטל־מזרחדיקן ויתרוצצו – אַ באַנייטע, נאָר פּאָליטישע אויפלאַגע פון "מעשׂיות פון טויזנט און איין נאַכט"...

**אין דער גרויסער וועלט און אין די תּפוצות**

די גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון דער אויסגעברייטערטער יידישער אַגענץ, פאָרגעקומען ערשט ניט לאַנג אין ירושלים, האָט צום ווײפלטן מאָל באַוויזן, אַז בעצם זענען נישטאָ קיין מחיצות צווישן יידן און ישראלים, צווישן מדינת ישׂראל און דעם פאָלק ישׂראל. די אויסגעברייטערטע ראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג וועט אוודאי אויך אויסברייטערן איר אינהאַלט און פאַרמעסט צו נייע אויפגאַבן, כל זמן דער ציוניזם און זיין אויסגעצערטלט קינד – מדינת ישׂראל, טראָגן איר צענטרישקייט, אויסשטראַלונג און ווירקונג, האָט נאָך אַלץ נישט געלייזט די פראַגע פונעם **גאַנצן** יידישן פאָלק.

ערשט ניט לאַנג איז אָפּגעמערקט געוואָרן 75 יאָר זינט ס׳איז דערשינען טעאָדאָר הערצלס "יידנשטאַט" – דער הויפּט־געדאַנק פון פּאָליטישן ציוניזם, ווו אויך היינט קאָן מען נאָך געפונען אין יענעס ספרל אומדערשיטלעכע אמתן בנוגע דער לאַגע פון אונדזער פאָלק: אַז אַסימילאַציע איז נישט קיין לייזונג; אַז יידן זענען אַן אייגנאַרטיק פאָלק און מוזן צוריקגיין אין אייגענעם לאַנד, צו מלוכהשער זעלבשטענדיקייט. דער "אוטאָפּיסט" הערצל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס רעאַליסט – זיין באַרימט געוואָרענער זאַץ מיט וועלכן ער פאַרענדיקט "אַלט־ניילאַנד": "אויב איר ווילט, איז עס ניט קיין לעגענדע" – איז טאַקע געוואָרן ווירקלעכקייט.

מיט אַ וואָך צוריק איז אין חיפהער פּאָרט אָנגעקומען אַ שיף מיט עולים. צווישן זיי – 249 עולים פון אַמעריקע. כמעט יעדן טאָג ברענגען ספּעציעלע עראָפּלאַנען פון ווין עולים פון ראַטנפאַרבאַנד. פון די צוויי גרעסטע רעזערוואַרן פונעם יידישן פאָלק – די פּאַר. שטאַטן און סאָוועט־רוסלאַנד, קומען יידן אין זייער היימלאַנד, הגם זיי ווייסן די שוועריקייטן, שטרויכלונגען און פּראָבלעמען ביים איינאָרדענען זיך אין לאַנד. אָבער גלייכצייטיק איז ביי זיי פאַראַן דאָס געפיל פון בטחון און אָפּטימיזם, אַז אויך אויף אונדזער גאַס וועט זיין יומטוב, אַז מיט לאַנגזאַמע, פאָרזיכטיקע שריט דערנענטערן מיר זיך פּאָרט צו אַ שלום. ווייל עס לייגט זיך דאָך אויפן שכל, אַז אויב דעם קליינעם, אַמעריקאַנער פינג־פּאָנג באַלעמל איז געלונגען דורכצוברעכן די פעסטע כינעזישע מויער און פּרעזידענט ניקסאָן זאָגט אָן די בשׂורה פון זיין נאָענטן באַזוך אין פּעקין, טאָ פאַרוואָס זאָל אויך אונדזער ראַיאָן ניט זוכה זיין צו גאָלדעס נסיעה קיין קאַיר, אָדער סאַדאַטס אַ באַזוך אין ירושלים. אויב אַזעלכע צוויי ריזן ווי אַמעריקע און כינע האָבן סוף־כל־סוף פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז בעסער אַדורכצוקומען מיט גוטן, איידער מיט בייזן, טאָ לאָמיר האָפן, אַז אויך אונדזערע שכנים וועלן דערגיין צו אַן ענלעכער מסקנה. זייער בויען אויף דער טעראָריסטן־באַוועגונג, צי אויף דער אַראַבישער סאָלידאַריטעט – איז דאָך אין דער אונטערשטער שורה מער אילוזיע און אַנטוישונג, ווי פּאָליטישע רעאַליטעט.

די פראַגע פון אַ צייטווייליקער רעגולירונג צווישן ישראל און מצרים, וואָס מיינט, קודם כל, עפענען דעם סועץ־קאַנאַל – איז ווידער געוואָרן אַקטועל. דער געהילף פון אַמעריקעס אויסערן־מיניסטער פאַר די ענינים פון נאָענטן מזרח, דזשאָזעף סיסקאָ, ווײַלט איצט אין ישראל און איז זייער טעטיק: אָפטע צוזאַמענטרעפן מיט מיניסטאָרן, באַראַטונגען און קאָנפערענצן. ווי די צייטונגען מעלדן, פאָדערט סיסקאָ פון ישראל מער עלאַסטישקייט, ווייל אויך זיינע שליחים אין קאַיר באַמיען זיך אויסצואיבן אַ דרוק אויף סאַדאַטן, הגם דער לעצטער ווערט נישט מיד פון לאָזן הערן אולטימאַטומס, דראָונגען און דאַטעס.

אין לעצטן יאָר האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז ישראל איז כאילו איזאָלירט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, אַז אַ סך פריינט האָבן אונדז פאַרלאָזט, וואָס האָט נאָך מער געשטאַרקט די אַפּעטיטן און אַטאַקעס פון אונדזערע קעגנערס. אָבער היינט איז נישטאָ אין דער מדינה דאָס געפיל פון איזאָלאַציע. איידער סיסקאָ האָט דאָ באַזוכט צום צווייטן מאָל, האָט ירושלים אויפגענומען די אויסערן־מיניסטאָרן פון איטאַליע, דייטשלאַנד, בעלגיע און דעם וויצע־מיניסטער פון רומעניע. ס'האָט אויך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דער סאָוויעטישער "זשורנאַליסט" לואיס, וואָס לויט זיין אָפיציעלער ווערסיע, איז ער געקומען זיך היילן אין תל־אביבער שפּיטאָל "איכילוב", אָבער פאָרט געכאַפּט אַ שמועס מיט שמחה דיניץ, דעם פּאָליטישן ראַטגעבער פון גאָלדע מאיר. אין פּאַריז קומט פאָר פון צייט צו צייט אַ מיינונג־אויסטויש פון די כינעזישע דיפּלאָמאַטן מיטן שליח פון מפ"ם. און אפילו מאָריס שומאַן, פראַנקרייכס אויסערן־מיניסטער, לאָזט הערן גאָר אַנדערע רייד וועגן לייזן דעם קריזיס אין אונדזער ראַיאָן. מיט איין וואָרט – "פּערפּעטום מאָבילע", אַלץ איז אין באַוועגונג, עס רירט זיך, נישטאָ קיין סטאַטישקייט אין דער פּאָליטיק.

נאָך אונדזערע נצחונות אויף די מלחמה־פראָנטן, איז געקומען די צייט צו זיגן אויף די דריי אַנדערע, איצטיקע פראָנטן, מיט זייערע נייע אויפגאַבן און אַרויסרופן.

(פא"צ י־ם, יוני־יולי 1971)

## שטרייקן: קלאַסן־קאַמף, צי אַ "מאָדע" אַזאַ...

פון די 780 טויזנט לוין־אַרבעטער אין ישראל, איז נישט אַ גרויסע צאָל אַנגאַזשירט אין שטרייקן פאַר העכערע לוינען, סאָציאַלע אויסבעסערונגען אָדער צוליב אַנדערע סיבות. נאָר זייער אָפּטיקייט, שאַרפקייט און כאַראַקטער האָבן געשאַפן אונדזער מדינה אַ נאָמען און אימאַזש פון אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אין אַן אומאויפהערלעכן סאָציאַלן קאָנפליקט און אַז אָט־אָט וועט מען גיין אויף באַריקאַדן...

דער סטאַטיסטישער אמת איז טאַקע דער, אַז בנוגע שטרייקן (פּונקט ווי אין אויטאָ־קאַטאַסטראָפעס) פאַרנעמען מיר איינעם פון די ערשטע ערטער אין דער וועלט – אין פּראָפּאָרץ צו דער צאָל איינוווינערס, פאַרשטייט זיך. די פראַגע איז אָבער די, צי טראָגן די אַלע שטרייקן דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָטעסט, ווײי־געשריי און רעוואָלט קעגן עקספּלאָאַטאַטאָרישע אונטערנעמערס, בלוטזויגערישע פאַבריקאַנטן און רשעותדיקע באַלעבאַטים; צי לאָזן זיך די אַלע סאָציאַלע מרידה'ס קוואַליפיצירן צו דער קאַטעגאָריע פון קלאַסן־קאַמפן מצד דערנידעריקטע און שלעכט־ באַלוינטע אַרבעטער– אָדער האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ קאָניוקטור־דערשיינונג, אַ מאָדע אַזאַ פון פּראָקלאַמירן און דורכפירן שטרייקן, כדי אויסנוצן געוויסע סיטואַציעס אויף "אַריינצוכאַפּן" וואָס מערער...

אַן אויבנאויפיקער אַריינבליק אין דעם צעטל פון די שטרייקנדיקע וועט גלייך אַנטפּלעקן, אַז בעצם שטרייקן לרוב די אַמבעסטן אָדער גוט באַלוינטע גרופּן אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וועמענס געהאַלטן זענען הויכע. דאַקעגן הערט מען ווייניק, וועגן שטרייקן פון די שוואַך־באַלוינטע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, די אומקוואַליפיצירטע, ווי אויך יענע פאַבריק־אַרבעטער, וועמענס לוין־קאַטעגאָריע שטייט נאָך אַלץ אויף אַ נידעריקן שטאַפּל.

ס׳איז נישט קיין סוד, אַז דעם אויבנאָן אין דער לוין־היעראַרכיע פאַרנעמען 3 סעקטאָרן אָנגעשטעלטע און אַרבעטער: פון דער אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע, פון די פּאָרטן און ציווילער אַוויאַציע. נאָר ווי לאַנג איז, אַז מ׳האָט אָפּגעשריען די גזירה פון אַן אויטאָבוסן־שטרייק, אַ דאַנק... דער סובסידיע פון דער רעגירונג? וואָס שייך די פּאָרטן, גייט נישט כמעט אַדורך א טאָג, אַז ס׳זאָל נישט אויסברעכן אַ קאָנפליקט, אָדער סאַנקציעס פון אַ געוויסער סעקציע אין חיפה, אשדוד אָדער אילת. אויך ״אל־על״ איז נישט באַפרייט פון דראָונגען צו שטרייקן און פאָדערונגען פון פאַרשידענע גרופּן.

זענען מיר טאַקע געווען עדות אין דער לעצטער צייט, אַז אונדזערע ים־און לופט־פּאָרטן זענען אויף איינעם צי מערער־טעג געווען פאַרשלאָסן פאַר שיפן, עראָפּלאַנען, טראַנספּאָרטן און מענטשן — נישט אַריינצוקומען אין דער מדינה און נישט צו פאַרלאָזן זי.

מיר האָבן אויך געהאַט שטרייקן פון די עלעקטריציטעט־אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך קודם־כל נוקם געווען אינעם פּשוטן פאָלק. די שטרייקן פון די פּאָסט־טעכניקערס, אינזשיניערן און אייניקע אָנגעשטעלטע, נעמען ביי דיר אַוועק די מעגלעכקייט צו זען די ישראל־טעלעוויזיע גאַנצע 2 וואָכן, אָדער הערן ראַדיאָ אין משך פון אַ סך שעהן אין מעת־לעת.

און אַזוי — טאָג־איין טאָג־אויס דרייט זיך דאָס פאַרכישופטע ראָד פון שטרייקן, באַגלייט זייער זעלטן אפילו מיט לאָקאוטן. הונדערטער און טויזנטער (און אין יערלעכן סך־הכל — טאַקע הונדערטער טויזנטער) אַרבעטס־טעג גייען פאַרלוירן פאַר דערווירטשאַפט, פאַר די אונטערנעמונגען, פאַר דער מדינה און טיילמאָל אויך — פאַרן אַרבעטער.

דאָ קומען מיר טאַקע צו צו דער האַרבער פראַגע — און דילעמע — בנוגע וועלכע שטרייקן דאַרף אַזאַ לינק־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ווי מפּ״ם אַרויסווייזן איר שטיצע, אידענטיפיצירונג, סימפּאַטיע, אָדער — אָפּגרענעצונג צי אַפילו קעגנערשאַפט?

ס׳איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז דער גרעסטער אונטערנעמער וואָס באַשעפטיקט צענדליקער טויזנטער באַאַמטע, אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אַקאַדעמיקערס און אויפּרוימערינס — איז די רעגירונג אַליין, מיט אירע אונטערנעמונגען, אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן. דאָס איז די זעלבע רעגירונג, וואָס דאַרף אויסטראָגן אויף אירע פּלייצעס אויך דעם עול פון פירן אַ מדינה אין באַלאַגערונג, זיכערן איר זיכערקייט דורך אויסשטאַטן זי מיט מאָדערנסטן (און דעריבער — זייער טייערן) געווער, אויסהאַלטן אַן אַרמיי אין קאַמפּס־גרייטקייט; אויפנעמען אַן עליה מיט אַ לייטישן דאַך איבערן קאָפּ, מיט שולן פאַר די קינדער און שילן פאַר די וואָס ווילן דאַווענען, מיט אַרבעטפּלעצער און אַמבולאַטאָריעס, שפּיטאָלן, סאָציאַלע שטיצע; אויך נישט פאַרגעסן צו באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן די בירגער פון לאַנד גופא. און צו דעם אויך געבן באַשעפטיקונג און באַלוינונג די טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער אירע. איז פאַרשטענדלעך, אַז בנוגע דער לוין־פּאָליטיק ווערן אָנגעווענדעט אַ סך קריטעריומס, מעסטערס, קאַלקולאַציעס, כדי צו צאָלן וואָס ווייניקער, לויטן אַלטן כלל, אַז אויב דער אַרבעטער פאַרדינט ווינציקער, האָט מער דער אונטערנעמער.

נאָר ווי געזאָגט, דער אונטערנעמער ביי אונדז איז על־פּי רוב די מלוכהשע, געזעלשאַפטלעכע און הסתדרותישע אונטערנעמונגען, וועלכע מ׳קאָן נישט חושד זיין אינעם ווילן צו באַרייכערן זיך (פּערזענלעך!) אויפן חשבון פונעם אַרבעטער און אָנגעשטעלטן, פון זייער מערווערט און עקספּלואַטאַציע. און נאָך עפּעס ווייסן די גענעראַל־דירעקטאָרן און מיניסטאָרן פון די אַלע אונטערנעמונגען: יעטוועדער הוספה צום לוין, צי סאָציאַלע אויסבעסערונג, שאַפט באַלד אַ פּרעצעדענס פאַר די אַרבעטער אין די פּריוואַטע אַנשטאַלטן און פאַבריקן ״אויסצוגלייכן די ליניע״.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט קיין צוריקקער צו יענער חלוצישער תקופה פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה, ווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות און דער נאַכטוועכטער האָבן באַקומען דעם זעלבן געהאַלט. די אונטערשיידן היינט אין די געהאַלטן זענען (אין פּראָפּאָרץ!) דערגאַנגען צו דער לאַגע אויפן דירות־מאַרק: פאַראַן אין ישראל יידן וואָס קויפן זיך אַ ווילע, אַ

"פּענטהאַוז" צי אַ "קאָטעדזש" פאַר אַ פערטל מיליאָן ל"י – און פאַראַן אויך משפּחות פון 12 און 16 נפשות, וואָס וווינען אין 2־3 קליינע צימערלעך און ווו 4 קינדער שלאָפן אין איין בעט, אָדער אויף דער פּאָדלאָגע – און אַזאַ פאַמיליע איז שווער צונויפצושטעלן די ערשטע 10 טויזנט ל"י האַנט־געלט, אָדער שליסל־געלט אויף אַ לייטישער וווינונג.

"אויסגלייכן די ליניע" אין ישראל אין די זיבעציקער יאָרן מיינט נישט נאָר קלעטערן אַלץ העכער און העכער, נאָך אַ שטאַפּל און נאָך אַ שטאַפּל, אויפן לייטער פון די לוינען, נאָר אויך גיין לויטן פּרינציפּ: "פאַרוואָס זאָל איך פאַרדינען ווייניקער פון יענעם?"

דער דאָזיקער געיעג האָט אָבער אין רוב פאַלן קיין שיכות נישט צו קנאה, אָדער צו אַ שטרעבונג פאַר באַרייכערונג. לויט אונדזער ווירקלעכקייט, איז דער דרוק אויף צו העכערן דעם לוין, פאַר אַלעמען – אַ געיעג מיטן יקרות, אַ ווילן נאָכצוקומען די שטייגנדיקע פּרייזן און אָנגעבלאָזענע שטייערן, וואָס אויך אויף דעם געביט פאַרנעמען מיר דעם אויבנאָן כלפּי אַנדערע לענדער.

אויף דעם באָדן איז טאַקע פאָריקע וואָך אויסגעבראָכן אַ שאַרפער ויכוח צווישן דעם גענעראַן־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, יצחק בן־אהרון און דעם פינאַנס־מיניסטער מיט זיינע ראַטגעבערס. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין די יאָרן 1970 און 1971 איז דער אַרבעטער־לוין געשטיגן – לויט אָפיציעלע און באַגלייבטע ציפערן פונעם צענטראַלן סטאַטיסטישן אַמט – מיט 13%; דער יקרות – מיט העכער 12%; דער ריינער ריווח איז געבליבן 0.9%.

נאָך אַזאַ "פאַרדינסט" פון ווייניקער ווי איין פּראָצענט, פרעגט זיך די פראַגע: צי איז דער אַרבעטער־לוין טאַקע גורם צו אינפלאַציאָניסטישע דערשיינונגען? איז ער מסוגל משפּיע צו זיין, דעסטרוקטיוו, אויף דער ווירטשאַפט פון לאַנד? די אַלע וואָס זענען זיך עוסק מיט אַרבעטער־אינטערעסן, די טוערס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און דער הסתדרות־סעקרעטאַר טענהן, אַז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ בלאָף דער כסדרדיקער אַלאַרם פון אייניקע מיניסטאָרן, בראש מיט פּנחס ספּיר און די בירגערלעכע עקאָנאָמיסטן, אַז די געהעכערטע לוינען מאַכן חרוב די ווירטשאַפט, דעוואַלואירן דעם ישראלדיקן פונט און דערלאָזן נישט צו עקאָנאָמישער סטאַבילקייט.

איצט, נאָך דער פּובליקאַציע פונעם סטאַטיסטישן אַמט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן טאַקע געלעבט אַ שטיק צייט אין אַ וועלט פון סוגעסטיעס, נישט ריכטיקע אָפּשאַצונגען, אויב נישט – שקרים, בנוגע דער כלומרשט צעשטערערישער אויסווירקונג פון עטלעכע דערלייגטע פונט צום אַרבעטער־לוין, אויף דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע אין לאַנד.

נאָך עפּעס האָט באַוויזן די סטאַטיסטיק און אַ ריי פאָרשונגען: די פּראָדוקטיוויקייט פונעם אַרבעטער אין ישראל איז פּראָצענט־מעסיק געוואַקסן פיל מערער ווי דער ווערט פון זיין רעאַלן לוין. מיט אַנדערע ווערטער: פאַר זיין בעסערער, עפעקטיווער און גרעסערער מי ביי דער אַרבעט וואָס האָט געגעבן פּרוכט – האָט דער אַרבעטער נישט באַקומען קיין פאַרגיטיקונג, צי אַ געהעריקן עקוויוואַלענט.

אויך דער אָפּשטאַנד צווישן לוין נעטאָ און דעם לוין ברוטאָ האַלט אין איין שטייגן – צוליב דעם יקרות, אינפלאַציע און שטייערן. נאָך יעדער לוין־הוספה צי יקרות־הוספה, נאָך יעדער דערגרייכונג, ווייזט זיך אַרויס, אַז די הכנסה איז טאַקע גרעסער געוואָרן מיט הונדערט צי מערער ל"י – אָבער גלייכצייטיק זענען געוואַקסן די פּרייזן אויף שיך, קליידונג, שפּייז, עלעקטריע, וואַסער.

און ווער, מיינט איר, איז דער טאָן־געבער צו העכערן די פּרייזן און שטייערן, אויב נישט די רעגירונג? טאַקע זי אַליין, בכבודה ובעצמה, איז די ערשטע אויף צו פאַרטייערן בענזין, טעלעפאָן־געשפּרעכן, פּאָסט, אָפּצאָלן פאַר ראַדיאָ און טעלעוויזיע. און אויב די רעגירונג סובסידירט נישט אויף אַ געהעריקן אופן די מוניציפּאַליטעטן – ווערן תיכף געהעכערט די שטאָטישן שטייערן – און אַזוי אָן אַ סוף.

דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז כל־זמן די פאַרשידענע צוגאָבן צום לוין – אָפיציעלע און נישט־אָפיציעלע, קאָמפּענסירן נישט אין אַ גענוגנדיקער מאָס דעם פּרייזן־וווקס, איז פאַראַן אַ גינסטיקער און אַפילו באַרעכטיקטער באָדן צו דערלאַנגען פאָדערונגען וועגן נאָכקומען, אָניאָגן צי פאַרגיטיקן דעם היזק. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער רײַן עקאָנאָמישער מאָמענט. פאַראַן אָבער אויך אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט: אויפגעקומענע גבירים אין ישראל גופא, אויסגעוואקסענע אויפן "אייגענעם מיסט", וועמען דער פּאָליטישער קלימאַט און עקאָנאָמישער רעזשים האָבן דערמעגלעכט באַרײַכערונג, און נישט תמיד מיט ערלעכע מיטלען און וועגן. ווײַל דער אמת איז, אַז ישראל האָבן זיך נישט באַזעצט קיין ראָטשילדס צי אַנדערע מיליאָנערן. העכסטנס האָבן זיי אינוועסטירט אין לאַנד. אָבער אַ שיכט מיליאָנערן האָט זיך יאָ אויפגעהאָדעוועט אין ישראל, דאָ רײַך געוואָרן און זייער עשירות, סנאָביזם, פּסעוודאָ – אַריסטאָקראַטישע מאַניערן און פּירעכץ זענען נישט נאָר אַ בולטע סתירה צו דעם טרוים פון צוויי דורות חלוצים – נאָר אויך אַ גענוגנדיקע סיבה פאַר סאָציאַלער שפּאַנונג, געיעג נאָך לײַכטע רווחים.

אויב דאָס איז די אמתע און אפשר וויכטיקסטע סיבה פאַר שטרײַקן – מיינט עס, אַז עס האַלט שלעכט מיט דער מענטאַליטעט און וועלט־אַנשויאונג פון גרויסע טיילן פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט ביז מיט 3 יאָר צוריק געהאַט אויסצושטיין גענוג אַנטוישונגען פון דער הסתדרות־אָנפירונג. דעריבער זענען מיר עדות פון שטרײַקן וואָס זענען מיט זייער שאַרף און פאַרביסנקייט געווענדעט אויך קעגן דער הסתדרות, גענויער - קעגן איר פּראָפ־אָפּטיילונג.

איז דאָס היינט באַרעכטיקט?

מיר וואַגן פעסטצושטעלן, אַז זינט יצחק בן־אהרן האָט פאַרנומען דעם אַמט פון גענ. סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, האָט די דאָזיקע חשובע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אויפגעהערט צו זײַן אַ פיליאַל פון דער רעגירונג און זאָגט נישט מער "אמן" נאָך די באַשלוסן און רייד פון פינאַנס־מיניסטער. די אַרבעטער האָבן דערפילט, אַז די הויכע, רעפּרעזענטאַטיווע געביידע פון דער הסתדרות־עקזעקוטיווע אין תל אביב פאַרוואַנדלט זיך ביסלעכווײַז אין זייער אמתער היים און דער איצטיקער גענ.־סעקרעטאַר איז דער אמתער מליץ־יושר און באַשיצער פון די אַרבעטער־אינטערעסן. אַלנפאַלס, אין די לעצטע 3 יאָר האָט די הסתדרות בדרך־כלל זיך געשטעלט מער אויף דער זייט פון די שוואַך־פאַרדינענדיקע. אַ דאַנק דער הסתדרות איז אײַנגעפירט געוואָרן, געזעצלעך, אַ מינימום־געהאַלט פאַר אַלע אָן אויסנאַם באַשעפטיקטע. די הסתדרות האָט אויך אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר באַטייליקן די אַרבעטער אין דער אָנפירונג, ווי אויך אין די רווחים, פון די אונטערנעמונגען. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט שוין צו פאַרצייכענען אַ סך דערגרייכונגען אויפן געביט פון שותפות מצד די אַרבעטער אין דער לייטונג און צו די פאַרדינסטן אין אַ ריי פאַבריקן, ספּעציעל די פון "כור" (דער הסתדרותישער קאָנצערן פון פאַבריקן און אונטערנעמונגען).

אויב מיר ווילן איצט, אויף דער שוועל פון 1973, געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף דער דערשיינונג וואָס הייסט שטרײַקן אין ישראל, דאַרף געזאָגט ווערן מיטן פולן באַוווסטזײַן:

א) אפילו ווען דאָס געזעץ וועגן "אָפּקילן" שטרײַקן, וואָס זעט פאָר צו מעלדן מיט 2 וואָכן פריער אַז עס וועט אויסבערעכן אַ קאָנפליקט, איז נישט אַזוי שטאַרק צום האַרצן פונעם אַרבעטער

דאַרף ער אָבער אָפּגעהיטן ווערן דורך די פאַבריקס־קאָמיטעטן אויף די ערטער, ווײַל אַ פּאָרויסיקע מעלדונג האָט אַ ברירה צו דערמעגלעכן פאַרהאַנדלונגען און דערפירן צו אַ פרידלעכער לייזונג, וואָס וועט אויסמײַדן דעם שטרײַק און אײַנשפּאָרן דער באַפעלקערונג אומזיסטע צרות און ליידן.

ב) געחתמעטע אָפּמאַכן צווישן די אַרבעטגעבערס און אַרבעטנעמערס דאַרפן פולקאָם אָפּגעהיטן ווערן פון ביידע צדדים.

ג) עס טאָר נישט געשען, אַז אַ קליינע גרופּע אַרבעטער וואָס איז באַשעפטיקט ביי אַ שליסל־פּאָזיציע אין טראַנספּאָרט צי אין דערווירטשאַפט, זאָל אויסנוצן איר כוח און פאַראַליזירן אַ וויכטיקן צווייג פון אונדזער פּראָדוקציע, אָדער אָפּשטעלן דעם עקספּאָרט און אימפּאָרט.

"פאַרמאַכן דאָס מויל" דעם ראַדיאָ און טעלעוויזיע, אָפּשליסן דאָס וואַסער און עלעקטריע — און גלייכצייטיק אַראָפּוואַרפן פון זיך יעטוועדן עול פון אחריות, דיסציפּלין און צוטרוי כלפּי דער הסתדרות און דער עפנטלעכער מיינונג.

ד) די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט אין ישראל איז דערגאַנגען צו זייער וויכטיקע דערגרייכונגען, מיט וועלכע עס וואָלטן זיך נישט געשעמט אַ סך פאָרגעשריטענע לענדער. דאָס אַלץ איז אין דער ערשטער ריי צו פאַרדאַנקען דער הסתדרות — און ס'איז כדאי צו געבן דער איצטיקער אָנפירונג אירער אַ באַשטימטן קרעדיט, אַפילו ביים פירן שטרייקן.

ס'וואָלט געווען ריכטיק אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פונעם שטעל־פאַרטרעטער פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, יוחם משל, אַז ס'איז געוווּנטשן פון דריי מקורות צו הייבן דעם לעבנס־ניוואָ פונעם אַרבעטער: $1/3$ — פון דער לוין־העכערונג; $1/3$ — פון פאָרשריט אין פאַך, וואָס מיינט פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע; $1/3$ — פון זיין אַ מיטשותּף צו די רווחים.

כ'בין נישט זיכער, צי דאָס איז טאַקע דער אידעאַלער רעצעפּט צו פאַרמיידן אין ישראל אַרבעטער־קאָנפליקטן. ס'אונטערליגט אָבער נישט קיין ספק, אַז ס'איז יאָ פאַראַן אין די אַלע דריי עלעמענטן אַ באַשטימטע לייזונג צו פאַרמינערן די צאָל שטרייקן, סיי די וואָס ווערן געפירט אין גייסט פון קלאַסן־קאַמף און סיי די, וואָס זענען אויך אַ רעזולטאַט פון אַ "מאָדע" אַזאַ...

(י"ש ת"א, 27.12.72)

## צוויי דאַטעס

24 יאָר יידישע מדינה און 29 יאָר נאָכן אויפשטאַנד אין געטאָ וואַרשע, זענען ניט בלויז אַ "קאַלענדאַרישער צופאַל", ווייל לויט זייער וועזן און באַטייט סימבאָליזירן די צוויי דאַטעס דעם היסטאָרישן גאַנג פון אונדזער פאָלק, וואָס לאָזט זיך פאָרמולירן אין דריי ווערטער — חורבן און גאולה.

א

צי האָט וועלכעס פאָלק באַצאָלט אַזאַ שרעקלעך טייערן פרייז פון זעקס מיליאָן קרבנות, כדי מ'זאָל אַנערקענען אונדזער רעכט אויף מלוכהשער זעלבשטענדיקייט? איז נאָך אַ לאַנד אין דער וועלט דעראָבערט געוואָרן מיט אַזוי פיל מי, שווייס, טרערן און קרבנות, ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט ארץ־ישראל? ווייסט דען די געשיכטע אַן ענלעכן ביישפּיל פון שכנהשער בלאָקאַדע און שנאה, טעראָר און מלחמות, ווי דאָס האָט דורכגעמאַכט מדינת ישראל אין משך פון די צוויי טוץ יאָרן פון איר עקזיסטענץ?

צי האָט נאָך אַ פאָלק אין דער וועלט אויסגעטראָגן, אין משך פון 20 יאָרהונדערטער, אַזוי פיל בענקשאַפט, ליבע און טרוים צום לאַנד פון די אבות — ווי דאָס איז געשען מיט אונדזערע צעזייטע און צעשפּרייטע אחינו בני ישראל?

ערשט נאָך דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, איז אונדז געגעבן געוואָרן דאָס לאַנד דורך אַ פעלקער־טשאַרטער, וואָס האָט אָבער געהאַט זיין אַנטשיידנדיקן פאָרגייער: דער חלוצישער אויפטו פון דורות. נאָר פון דער ערשטער מינוט אָן האָט מען ניט געלאָזט באַקומען די אויסגעבענקטע און אויסגעקעמפטע מדינה. די פינף אַראַבישע לענדער וואָס זענען באַפאַלן די נאָר וואָס אַנטשטאַנענע יידישע מלוכה, האָבן מיט זייער אַגרעסיע קלאָר געמאַכט די אמתע כוונות זייערע. פאַרן יידישן פאָלק אין די תפוצות און פון דעם טייל וואָס זיצט אין ציון, איז געווען קלאָר: ניט דערלאָזן, חלילה, צום חורבן בית שלישי.

ב

יעדעס יאָר, כ"ז ניסן, אין טאָג פון אומקום און גבורה — קומט די דערמאָנונג. אין זכרון טויכן דעמאָלט אויף, מיט מערער קראַפט, די גרויל־בילדער פון דייטשע רציחות אין דער אָקופּירטער אייראָפּע און דער אומקום פון אייגענע. הגם עס זענען שוין אָפּגעלאָפן 29 יאָר פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, קאָן מען ניט זאָגן, אַז דער פאָלקס־זכרון איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט בנוגע

דעם וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן פאַלנדיקע ווענט. דער יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד, ווי טרויעריק און איינטאָניק ער זאָל ניט זיין; ווי סקעפּטיש מ׳זאָל זיך ניט באַציען צו דער פראַגע, צי נאָך פאַרבליבן עפּעס צו דערציילן, דערמאָנען און איבערלעבן פון יענע טעג – זעען מיר פּאָרט, אַז פון יאָר צו יאָר שטאַרקט זיך דאָס געפיל, אַז נאָך נישט אַלץ איז שוין דערציילט געוואָרן פון דער שואה און גבורה; אַז דער עולם וויל ניט אַנטלויפן פון דערמאָנונגען און איבערלעבונגען אין די יאָרן 1939 – 1943.והראיה: אין די געטאָ־פייערונגען און טרויער־אַקטן אין דער מדינה און אין די גלות־לענדער באַטייליקן זיך נאָך אַלץ צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יידן, כדי אָפּגעבן כבוד די קדושים, אַרויסהייבן די גבורה פון די קעמפערס און נעמען שטעלונג צו די אַקטועלע פּראָבלעמען פונעם פאָלק און פון דער מדינה, ווי דאָס דרינגט אַרויס פון דער לערע פונעם חורבן. הונדערטער קהילות ווערן נאָך אַלץ פאַראייביקט אין יזכור־ביכער און מען הערט ניט אויף אויפצושטעלן געדענק־הייזער, אינסטיטוציעס און מאָנומענטן צום אָנדענק פון יחידים און קהילות.

אָבער ניט ווילנדיק קומסטו צום אויספיר, אַז דער חורבן פון אייראָפּעיִשן יידנטום איז פּאָרט געוואָרן אַ טראַגישע באַשטעטיקונג פאַרן ציוניסטישן פּראָגנאָז. אויב ס׳האָט נאָך וואָר געצווייפלט אָדער לגמרי זיך אָפּגעטרייסלט פון אַזאַ עקסטרעמער מיינונג, זענען געקומען געשעענישן שוין **נאָכן חורבן** און מיט באַנייטער קראַפט באַוויזן, אַז ראַסן־האַס, אַנטיסעמיטיזם און פעלקער־אַנטאַגאָניזמען זענען נאָך, לײדער, טיף־טיף פאַרוואָרצלט אין קאַפּיטאַליסטישע ווי אין סאָציאַליסטישע לענדער. ווייל אויב נאָך אוישוויץ און טרעבלינקע האָט געקענט קומען אַ קעלצער פּאָגראָם און רציחות פון ניצול־געוואָרענע יידן; אויב אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, דרום־אַמעריקע און פאַר. שטאַטן האָבן געקענט אַנטשטיין און אפילו זיך אַנטוויקלען נעאָ־נאַצישע און אַנטי־יידישע אָרגאַניזאַציעס; אויב גאַמולקאַ און מאָטשאַר זענען געווען מסוגל אַדורכצופירן דעם עקסאָדוס פוילן לגבי אַ טריי און טראַגיש רעשטל פון זייערע הייסע אָנהענגערס; אויב די ״פּראָגרעסיווע״ און פּראָ־סאָוועטישע רעזשימען אין סיריע, איראַק, מצרים און ליביע רודפן זייערע קליינע יידישע מינדערהייטן און דראָען ישראל מיט טאָטאַלער פאַרניכטונג; אויב מאָסקווע האָט געוואַגט צוטראַכטן אַ דאָקטוירים־בלבול, אויסמאָרדן די יידישע שרייבערס און ליקווידירן די במילא מאָגערע רעשטלעך פון דער יידישער קולטור – דאַרף נאָך אַלץ גילטן, צי מיר ווילן יאָ צי נישט, די ציוניסטישע דעפיניציע וועגן יידישן גורל אין דער פרעמד און די נויטווענדיקייט פון אַן אייגן לאַנד.

דערפאַר איז נישט שווער צו פאַרשטיין, הלמאי מיט יעדן יום העצמאות, קלאַפּן פריידיקער און וואַרעמער יידישע הערצער, פּונקט ווי זיי פילן זיך אָן מיט טרויער און טרערן אין יעדן יום השואה והגבורה. דער קאַלענדאַר האָט געוואָלט, אַז דער 24סטער יום העצמאות זאָל אויספאַלן גראָד דעם 19טן אַפּריל, דער 29סטער יאָרטאָג פונעם געטאָ־אויפשטאַנד איז וואַרשע. דער חורבן און די גאולה האָבן זיך ״איינלאָקירט״ אויף איין קאַלענדאַר־בלעטל, אַ מין סמיכת הפרשה צווישן טרויעריקן עבר, קעגנוואַרט און אַ צוקונפט וואָס פאַרפּליכטעט.

ג

וואָס שייך דער צוקונפט, אויב אפילו מעסטן בלויז לויטן אָפּגעלאָפענעם יאָר – פון פאַרגאַנגענעם יום העצמאות ביזן איצטיקן, דעם 24סטן – מעג מען זיין אַ סך אָפּטימיסטישער ווי פאַראַיאָרן. קודם כל איז אָפּגעהיטן געוואָרן דער פייער־איבעררייס, עס האָבן זיך געשטאַרקט די סימנים פון אַ שלום־אויסזיכט, די עליה ווערט ניט שוואַכער, צה״ל האָט זיך געקרעפטיקט און באַזיצט די נייעסטע כלים, די מדינה מאַכט עקאָנאָמישן פאָרשריט, נאָר אַ סך סאָציאַלע פּראָבלעמען זענען נאָך ווייט פון אַ לייזונג.

נאָר כל זמן ישראל געפינט זיך אין באַלאַגערונג און די שכנים ווילן זיך ניט זעצן ביים פאַרהאַנדלונג־טיש; כל זמן מיר לעבן מיטן אָרעאָל פון אָפּגעהאַלטענע נצחונות אין דריי מלחמות (1948, 1956, 1967) און בייגעקומענע, אומצאָליקע טעראָר־אַקטן, איז צה״ל נאָך אַלץ אַן אומאַנטווישנדיקער קוואַל פון שטאָלץ און באַגייסטערונג פאַר יעדן ייד. די בכורה קומט אָבער פּאָרט – אין געשיכטע, פאַרנעם און דערגרייכונגען, אַזאַ ספּעציפיש־יידישער און ישראלדיקער דערשיינונג ווי ס׳איז – עליה.

געגוני מיט 90 יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן די ביל״ו־עליה, מיטן ציל צו באַפּעלקערן און באַפרוכפּערן דאָס לאַנד. דער דאָזיקער אָנהייב האָט געגעבן דעם שטויס צו אַ צווייטער און דריטער עליה, ניט געקוקט אויף די בריטישע ״ווייס־ביכער״ מיט זייערע שוואַרצע כוונות. נאָר דער מעכטיקער שטראָם עולים איז געקומען ערשט נאָכן פּראָקלאַמירן די מדינה, וואָס האָט אין איר מגילת העצמאות פאַרשריבן, אַז דאָס לאַנד וועט זיין אָפן פאַר יידישער עליה און קיבוץ גלויות. פון מאַי 1948 ביז סוף 1951 האָבן מיר אויפגענומען 700 טויזנט עולים — מערער וויפל עס זענען געווען יידן אין לאַנד, אין טאָג פון דער מדינה־אַנטשטייונג.

די עליה אין יענע יאָרן האָט סיי פאַרגרעסערט דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון דער מדינה, סיי כמעט ליקווידירט גאַנצע גלותן, ווי בולגאַריע, איראַק, סיריע, לבנון, תימן, ליביע און האַלב אויסגעליידיקט פון יידן אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, אונגאַרן, רומעניע.

אין דער צווייטער העלפט פון די פופציקער יאָרן הייבט זיך אָן די מאַסן־עליה פון די צפון־אַפריקאַנער לענדער. דערנאָך — ווידער פּוילן. איצט שטייען מיר פאַר אַן עליה־פענאָמען פון ראַטנפאַרבאַנד - ווו היסטאָריקער, פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן וועלן נאָך האָבן אַ ברייט פעלד צו פאָרשן ווי אַזוי איז געשען, אַז נאָך העכער 50 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועלכע האָט פאַרלייקנט און באַקעמפט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם יידישן קיבוץ דאָרטן, איז מעגלעך געווען אַזאַ ציוניסטישע דערוואַכונג ביי דער יוגנט — אַ דור שלא ידע את יוסף — און אַ נאָכגיביקייט מצד האַרטנעקיקע הערשער אין קרעמל צו דערלויבן פון דאָרט אַ רעגלאַמענטירטע עליה, וועלכע מען וואָלט באַדאַרפט באַצייכענען מיטן נאָמען ״שלח את עמי״, ווי די עליה פון תימן האָט זיך איר נאָמען - ״אויף די אָדלער־פליגל״ און די איראַקישע עליה — ״עזרא ונחמיה״.

די כסדרדיקע עליה פון קנאַפּע הונדערט לענדער פון יידישער צעשפּרייטקייט, דאָס אויפנעמען עולים פון פאַרשידענע קולטורן, טראַדיציעס, געוווינהייטן און סביבהס, דער דראַנג צו באַזעצן זיך אין ישראל פון יידן וואָס וווינען אין רייכע, זאַטע מדינהס און פון די וואָס ליידן פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און מאָראַליש אין זייערע וווין־לענדער - איז אָן שום ספק דער גרעסטער נס, דער מאָנומענטאַלער אויפטו און דערגרייכונג פון אַ יונגע, קליינע מדינה. דעריבער איז נישט איבערגעטריבן דער עליה־פּראָגנאָז אויפן יאָר 1972 - העכער 70 טויזנט עולים. אויך גרעסערע פּרעלימינאַר־ציפערן פאַר עליה האָבן ניט אַנטוישט.

ד

צו די מערקווירדיקע סך־הכּלען פון מדינת ישראל, דאַרפן אויך צוגערעכנט ווערן אַזעלכע דערגרייכונגען, ווי פאַרבינדונגען מיט די תפוצות — אַ פעסטער תקיעת־כּף צווישן דעם יידישן לאַנד און דעם יידישן פאָלק. די אָפּגעלאָפענע 24 יאָר ווייזן אויך צו דערציילן וועגן אַ געוואַלטיקן פאָרשריט אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, אויסגעבויטע אינדוסטריע, מעכאַניזירטע און פרוכטבאַרע לאַנדווירטשאַפט, איבערפולטע אוניווערסיטעטן, לערער־סעמינאַרן, מיטלשולן און אָבליגאַטאָריש שול־געזעץ; די סאָציאַלע געזעצגעבונג — איינע פון די פאָרגעשריטנסטע אין דער וועלט; אַ מאָדערניזירט געזונטהייט־וועזן און הויך אַנטוויקלטע מעדיצינישע באַדינונג; וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג; די געלייזטע פראַגע פון באַוואַסערונג און וואַסער; דער פּאָזיטיווער בילאַנס אויפן געביט פון מוזיק און טעאַטער, ספּאָרט און קונסט, אַטאָם־פאָרשונג און קאָמוניקאַציע, טוריסטיק און קולטור.

וואָס שייך דער מאַטעריעלער לאַגע פון די מינדערהייטן אין ישראל, זייער קולטורעלער ניוואָ און פאַרהעלטנישמעסיקע דעמאָקראַטישע אַטמאָספער און באַדינגונגען אין וועלכע זיי לעבן זיך אויס — שטייגן זיי אַ סך איבער דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון די אַראַבער אין די שכנותדיקע לענדער. אפילו אויף די פאַרנומענע געביטן, אין די שווערע צייטן פון ״פאַטאַך״־טעראָר, שילער־דעמאָנסטראַציעס און רציחות, האָבן די זיכערקייט־כּוחות ניט געלאָזט זיך מיטרייסן מיט יענער אַטמאָספער און נקמה־שטימונגען, נאָר ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער פּאָליטיק פון אָפענע

בריקן צווישן ירדן און יהודה און שומרון, ניט אויסגעפירט קיין איין טויט־אורטייל איבער אַ קאַלטבלוטיקן רוצח וואָס האָט זיך געשלייערט אין מאַנטל פון אַ פרייהייט־קעמפער, דערלויבט צענדליקער טויזנטער אַראַבער פון די פיינטלעכע אַראַבישע מדינות צו באַזוכן בעת די זומערפעריען זייערע קרובים אויף די פאַרנומענע געביטן און אפילו פריי זיך באַוועגן אין די פריערדיקע גרענעצן פון דער מדינה, דערמעגלעכט אַדורכצופירן מוניציפּאַלע וואַלן,הגם לויט די ירדנער געזעצן, כדי אויסצוקלויבן "שטאָט־טאַטעס" אין דער גַדָה.

אַזוי האָט זיך געפירט די יונגע יידישע מדינה – פון איין דערפאָלג צום צווייטן, פון איין אויפטו צום צווייטן. צום באַדויערן, זענען ניט תמיד געווען בלויז דערפאָלגן.

ה

דאָס בילד צום איצטיקן יום העצמאות וואָלט ניט געווען באַלאַנסירט און אפילו ווייט פון ערלעכקייט, אויב שילדערן אַלץ אין ראָזעווע פאַרבן, אָן שאָטן־זייטן און נעגאַטיווע דערשיינונגען. נישטאָ וואָס אויסצובאַהאַלטן (און אין אונדזער דעמאָקראַטישער רעזשים איז עס אפילו אַן עבירה): האַרבע, סאָציאַלע פּראָבלעמען זענען לעצטנס אַרויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך פונעם ישראלדיקן לעבן.

אוודאי איז דאָ אַ פאַרענטפער: אַ מדינה וואָס איז אָן אויפהער אַנגאַזשירט אין אויסערלעכע מלחמה־פראָנטן מיט אירע שכנים און 44 אגורות (פּיאַסטער) פון יעדן ישראלדיקן פונט פונעם בודזשעט זענען באַשטימט פאַר זיכערקייט־צוועקן, איז ניט בכוח אַזוי שנעל צו לייזן די נויט פון פילקינדער משפחות, באַזאָרגן מיט לייטישע וווינונגען די פון די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן, זיכערן בילדונג און באַשעפטיקונג יוגנטלעכע, אָפּשטאַמיקע פון אַזיע און אַפריקע. ס'איז אויך ניט צו וווּנדערן זיך, וואָס אין באַדינגונגען פון צוריקגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט – שטייגט די פאַרברעכערישקייט. צום באַדויערן, אויך אויף דעם געביט ווייזט די סטאַטיסטיק אַ גאַנץ אָנגעזועענעם באַרג־אַרויף. די פּאָליציי איז ניט אַרבעטלאָז, אויך די געריכטן האָבן גענוג באַשעפטיקונג.

אויב די מדינה האָט באַוויזן צו פירן זיגרייכע מלחמות, אויפנעמען עולים, פאַרפעסטיקן דאָס לאַנד עקאָנאָמיש, פּאַליטיש און קולטורעל – וועט זי מוזן פאַרמעסטן זיך אויך מיט סאָציאַלע נויטן פון יענעם טייל בירגער וואָס האָבן ניט מצליח געווען – צי צוליב אָביעקטיווע שוועריקייטן, פערזענלעכע נטיות און אויך צוליב אַ פאַרזען אָדער פאַרנאַכלעסיקונג פון דער רעגירונג. אוודאי איז צה"ל וויכטיק, די עולים דאַרף מען אויפנעמען, דירות מוז מען בויען – מ'טאָר אָבער אויך ניט לאָזן אין אַ זייט יענע פאַראָרעמטע משפחות, די יונגע פאָרלעך און אַ טייל פונעם יונגן דור וואָס מיינט צו געפונען אַן ענטפער אויף זיינע נויטן ביי די "שוואַרצע פּאַנטערס" אָדער אין דער ספערע פון פאַרברעכערישקייט.

ו

אין ראַיאָן און אויף דער גרויסער וועלט איז דאָס פאַרגאַנגענע יאָר געווען "ניט צום פאַרזינדיקן". אמת, סאַדאַט, חוסיין צי אַסאַד האָבן נאָך ניט בדעה צו פירן שלום־געשפרעכן מיט ירושלים, נאָר דער ריס אין דער אַראַבישער וועלט, טראָץ דער געשאַפענער פעדעראַציע פון מצרים, סיריע און ליביע; דער קראַך פון די טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציעס; דער פעדעראַציע־פּלאַן פונעם ירדנער קיניג; דאָס "פראָטעסטירטע וועקסל" פונעם מצרישן פּרעזידענט צוליבן אומווילן צו אַנטשיידן, גראָד אינעם דורך אים באַשטימטן "יאָר פון אַנטשיידונג"; אַמעריקעס אָפּגעשוואַכטער דרוק אָנצונעמען דעם ראָדזשערס־פּלאַן; סאָוויעטישע דעקלאַראַציעס וועגן אַ פּרידלעכער לייזונג פונעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט און די פאַרשידענע אָנצוגעהערענישן וועגן עווענטועלע, באַנייטע דיפּלאָמאַטישע באַציונגען צווישן מאָסקווע און ירושלים; און איבער אַלעמען – דאָס ניט צוריקטרעטן, שוין באַלד 5 יאָר, פון די פאַרנומענע געביטן, כל זמן ס'איז נישטאָ קיין אָפּמאַך וועגן איינפאַרשטאַנענע זיכערע און אַנערקענטע גרענעצן – מעג אונדז געבן בטחון און אמונה, אַז דער געגאַרטער שלום וועט קומען, הגם דער גרעסטער אָפּטימיסט איז נישט גרייט צו באַשטימען אַ נאָענטע דאַטע.

לאָמיר פונדעסטוועגן זיך גרייטן צום 25סטן יום העצמאות, וועלכער דאַרף געפּייערט ווערן, לויטן פאָרשלאַג פון "דבר", מיט אַ גרויסן שלום־פּאַראַד. דער דאָזיקער פּאַראַד דאַרף געעפנט ווערן מיט לאָזן אין דער לופט טויבן, דער סימבאָל פון פרידן און צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע און דערוואַקסענע יידן זאָלן מאַרשירן צוזאַמען מיט אַראַבער, דרוזן, בעדווינער.

מעגלעך, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט דער שלום נאָך ניט האָבן דערגרייכט געוואָרן. דאָס פאַרמינערט אָבער נישט אונדזער אויפריכטיקן ווילן און הייסן באַגער איינצושטעלן נאָרמאַלע שכנהשע באַציונגען און עפענען אַ נייעם בלאַט אין דער געשיכטע פון דעם ראַיאָן און פון די פעלקער וואָס באַוווינען אים. אַלע זענען שוין זאַט פון די מלחמות און קאָנפליקט. געקומען די צייט, עס זאָלן אָנהייבן ריידן דיפּלאָמאַטן, אַנשטאָט... האַרמאַטן.

(פא"צ י־ם, מערץ־אפריל 72')

# די דראַמע אין לוד

יענער מעת־לעת פונעם פאַרכאַפּטן "סאַבענאַ"־עראָפּלאַן אויפן ישראלדיקן פלי־פעלד אין לוד – וועט לאַנג־לאַנג בלייבן אין אַלעמענס זכרון. דאָס זענען געווען 24 שעה פון שפּאַנונג, ציטער, זאָרג. דער רוב איינוווינערס אין ישראל האָט זיך געפילט ווי "אַריינגעקוועטשט" אין דעם עראָפּלאַן און מיטגעלעבט די דראַמע פון די 100 פּאַסאַזשירן און מאַנשאַפט. נאָר מ'קען אָננעמען, אַז זעלטן האָט ווער געטראַכט, אויב מ'דאַרף קאַפּיטולירן פאַר אַזאַ סאָרט שאַנטאַזש, נאָכגעבן דער פאָדערונג פון די פאַרכאַפּערס וועגן אויסטוישן איבער הונדערט פאַרמשפּטע אין ישראל אַראַבישע טעראָריסטן פאַר די פּאַסאַזשירן. פאַרקערט! לויט דער שטימונג אין גאַס, לויט אַן אינערלעך געפיל וואָס האָט באַהערשט יעדן איינעם פון אונדז, אין געווען קלאָר, אַז מ'דאַרף דערלאַנגען דעם אַראַבישן טעראָר אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ און אים געבן צו פאַרשטיין מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, אַז זיי וועט זיך ניט איינגעבן אָפּצושטעלן אָדער שטערן דער ישראלדיקער לופט־פאַרבינדונג מיט דער וועלט; אַז פאַרכאַפּן אַן עראָפּלאַן וואָס פליט קיין אָדער פון ישראל, בפרט נאָך לאַנדן מיט אים אין לוד – לוינט זיך אוודאי נישט.

די ידיעה וועגן דער פאַרכאַפּונג האָט ווי עלעקטריזירט די גאַנצע מדינה. די ערשטע רעאַגירונג איז געווען, גלייך מ'וואָלט אונטער דער דראָונג פון אַ רעוואָלווער געוואָלט אַוועקשטעלן אויף די קני אַ גאַנץ פאָלק. הגם די לופט־פּיראַטן האָבן געהאַלטן אַלס "משכון" זקנים, פרויען און אַ קינד, האָט מדינת ישראל ניט געטראַכט אַרויסצווייזן שוואַכקייט, כאָטש מ'איז געשטאַנען פאַר אַ זייער האַרבער דילעמע: נאָכגעבן – מיינט עפענען אַ וועג פאַר אַ ווייטערדיקן שאַנטאַזש; פאַרעקשנען זיך, האָט ווידער באַדראָט דאָס לעבן פון אומשולדיקע מענטשן; קאַפּיטולירן פאַר די לייט פון "שוואַרצן סעפּטעמבער" וואָלט נאָר געהויבן זייער פּרעסטיזש און ממש "פאַרבעטן" נאָך אַזעלכע פּיראַטישע אַקציעס; אָפּזאָגן זייער פאָדערונג – הייסט נעמען אויף זיך אַ זייער שווערע אחריות, ווי אויך שטעלן זיך אין אַ קאָנפליקט מיט דער רעגירונג פון בעלגיע און מיט דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט.

וואָס־זשע פאָרט טאָן? דאַרף ישראל אויפהייבן די הענט פאַר פיר טעראָריסטן? האָט דאָך אונדזער דור – דער דור השואה והגבורה – פון לאַנג שוין געגעבן דעם נדר ניט צו זיין מער הפקר! דער־אָ לייט־מאָטיוו און אַ סך אַנדערע האָבן געגעבן די מחשבה וועגן אָנלערנען די טעראָריסטן, באַהערשן דעם עראָפּלאַן און ניט שאָדענען די פּאַסאַזשירן. אַז אַזאַ מחשבה זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין מעשים, האָט זיך געפאָדערט אַ ביסל צייט, פּלאַנירונג, קאָאָרדינירונג, קאַלט בלוט און אויך מענטשן וואָס זאָלן זיין גרייט צו נעמען אויף זיך די שווערע, ריזיקאַלישע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע. נאָך עפּעס איז געווען קלאָר: דאָס "שטיקל אַרבעט" דאַרף זיין לויטערע "תוצרת הארץ", אָנעם מיטבאַטייליקן וועלכן ס'איז פרעמדן פאַקטאָר.

אונטער דער אָנפירונג פון זיכערקייט־מיניסטער משה דיין, איז דינסטיק דעם 9טן מאַי, 3.30 נ.מ. געגעבן געוואָרן דער באַפעל, אַז די "טעכניקערס" וואָס זענען געווען באַשטימט צו

"פאַריכטן" דעם "סאַבענאַ"־עראָפּלאַן, פון וועלכן מ'האָט נאָך אַ נאַכט פריער אַרויסגעלאָזט די לופט פון די רעדער און באַשעדיקט די הידראָווּלישע איינריכטונג – זאָלן באַהערשן פון אינעווייניק דעם עראָפּלאַן, אומשעדלעך מאַכן די דיווערסאַנטן און אַלץ טאָן אויף אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון די פּאַסאַזשירן.

ס'איז געווען אונדזער נאַציאָנאַלער, מלוכהשער און הומאַניטאַרער חוב אַלץ טאָן, כדי באַפרייען זיך פון דאָזיקן געשפּענסט – און די זאַך איז דערגרייכט געוואָרן. נאָך געציילטע מינוטן זענען די פּאַסאַזשירן געוואָרן באַפרייט, און דאָס גאַנצע לאַנד און מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. אַ ספּאָנטאַנע פרייד האָט אַלעמען באַהערשט, געפּאָרט מיט פאַרלייכטערונג און שטאָלץ. די געוואַגטע אַקציע איז אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מענטשלעכער דראַמע, וועלכע האָט געהאַט אַ גאָר פּאָזיטיוון אָפּקלאַנג אין דער וועלט.

נישט געווען קיין ספק, אַז די צוויי אַראַבער און די צוויי אַראַבערינס פון דער אָרגאַניזאַציע "שוואַרצער סעפּטעמבער", זענען געווען גרייט קאַלטבלוטיק אומצוברענגען 100 אומשולדיקע מענטשן. אנטקעגן דער דאָזיקער ברוטאַלקייט און ציניזם, איז געקומען דער הומאַנער, הגם באַוואָפנטער אַקט פון ישראל – און מיט דערפאָלג. דער גורל האָט געוואָלט, אַז אין דעם פאַרמעסט זאָל פאַלן אַ קרבן די 20־יאָריקע מערי האָלצבערג־אַנדערסען, בעת די צוויי אַראַבישע טעראָריסטינס זענען געבליבן לעבן. נאָר אין דער אונטערשטער שורה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ נצחון פון די וואָס האָבן ניט געוואָלט קאַפּיטולירן פאַר באַרבאַריזם, שאַנטאַזש און טעראָר.

איצט ווייסן מיר, אַז דאָס איז געווען אַ באַרעכטיקטער באַשלוס אַזוי צו האַנדלען – פון מאָראַלישן, פּאָליטישן און מיליטערישן שטאַנדפּונקט. אין פאַל פון "סאַבענאַ"־ עראָפּלאַן, איז ווידער אַמאָל געווען די פראַגע: אָדער מיר, אָדער זיי, וואָס האָט דערמאָנט די תקופה פון אָפּוואַרטן ערב דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. דעמאָלט, אין דער צווייטער העלפט מאַי 1967, פּונקט ווי איצט, דעם 8טן און 9טן מאַי 1972, האָט מען פון דרויסן געגעבן פאַרשידענע עצות מוותר צו זיין, נאָכגעבן, ניט איינרייסן זיך צופיל. אָבער נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבן געליטן אַ מפּלה אויף די שלאַכט־פעלדער אין סיני, רמת הגולן און ביים ירדן, איז זייער תירוץ געווען, אַז די אַמעריקאַנער אַוויאַציע האָט אונדז געהאָלפן... און נאָכן קלאַפּ וועלכן ס'האָט באַקומען אין לוד דער "שוואַרצער סעפּטעמבער", האָבן די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס באַשולדיקט דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ אין העלפן ישראל צום נצחון.

די געשיכטע חזרט זיך איבער...

*

דער זיג פון 9טן מאַי איבער די לופט־פּיראַטן, האָט נאָך ניט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון פאַרכאַפּן עראָפּלאַנען. אַז רעגירונגען האָבן געוואָלט, איז בשעתו ליקווידירט געוואָרן די ים־רויבעריי. וואָלטן אַ ריי מדינות געווען אַנטשלאָסן צו האַנדלען אַזוי לגבי דער גאַנגסטעריי אין דער לופט – וואָלט אויך דער פאַרברעכן געהערט צו דער געשיכטע. דערווייל איז מיטן באַפרייען די פּאַסאַזשירן און מאַנשאַפט פון "סאַבענאַ", מיטן ראַטעווען דעם עראָפּלאַן און ליקווידירן אַ כנופיה פאַרברעכערס – אָנגעשריבן געוואָרן אַ הערלעך בלאַט געשיכטע אין קאַמף מיטן אַראַבישן טעראָר און מיט דער פּלאָג פון פאַרכאַפּן עראָפּלאַנען. אויב ס'איז אמת וואָס מען דערציילט, אַז אין די מיליטערישע אַקאַדעמיעס אין אַ ריי לענדער לערנט מען די געשיכטע און דעם מוסר־השכל פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אַזוי אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז אַ סך פּלי־געזעלשאַפטן און די זיכערקייט־כוחות פון דער ציווילער אַוויאַציע, וועלן זיך נעמען אַ ביישפּיל און לעקציע פון דער דראַמע אין לוד און זי לערנען פון אַלע שטאַנדפּונקטן.

(פאַ"צ י־ם, מאַי 72')

# 5 יאָר נאָכן 5טן יוני 1967

גאַנצע 5 יאָר זענען פאַריבער פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה – און עס דערוועקט זיך אַ ספק, צי איז נייטיק ספּעציעל אונטערשטרייכן און דערמאָנען אַ דאַטע, וואָס אין משך פון דער אָפּגעלאָפענער תקופה איז זי קיין איינמאָל ניט אַראָפּ פון סדר־היום אין ישראל, ביי אירע שכנים, ביים יידישן פאָלק און אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. פון יוני 1967 האָט מען ניט אויפגעהערט זיך באַשעפטיקן מיט דער טעמע אין ירושלים; אין אַלע אָן אויסנאַם הויפּטשטעט פון אַראַבישע מדינות; אין וואַשינגטאָן און מאָסקווע, פּאַריז און וואַרשע, לאָנדאָן און באָן. די אַראַבישע טעראָריסטן, די רעדעס פון נאַצערן, כוסיינען, סאַדאַטן און באָמעדיען, האָבן אונדז תמיד צוריקגעקערט צו יענעם אויסגאַנג־פּונקט, וואָס קאַלענדאַריש הייסט ער בסך־הכל פינפטער יוני, נאָר אַנטהאַלט אין זיך דעם עולם ומלואו פון דער גאַנצער ישראלדיקער פּראָבלעמאַטיק.

אויך איצט, אין פינפטן יאָרטאָג פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, דאַרף מען דערמאָנען, אַז מדינת ישראל איז אַרויס אין קריג ניט צוליב דעראָבערונגען, נאָר אַז די אויפגעצוווּנגענע מלחמה האָט ממש געראַטעוועט אונדזער עצם קיום און צונישט געמאַכט די פאַרשווערונג פון די שכנים אומצוברענגען די יידישע מדינה. די מלחמה האָבן מיר געוווּנען, אָבער דער שלום איז נאָך גענוג ווייט פון אונדז. דעריבער איז קלאָר, אַז ביזוואַנען ס׳וועט ניט דערגרייכט ווערן אַ פעסטער שלום מיט די אַראַבישע רעגירונגען, וועט די ישראלדיקע הערשאַפט ג׳ .טן אויף די פאַרנומענע געביטן און אַז עס קומט נישט אין פראַגע קיין צוריקטריט, כל זמן ס׳זענען ניט פאַרפיקסירט געוואָרן אין אַ פרידנס־אָפּמאַך זיכערע, אַנערקענטע און איינפאַרשטאַנענע גרענעצן צווישן ישראל מיט מצרים, ירדן און סיריע.

אין דער דאָזיקער פאָרמולע איז פאַראַן דער גאַנצער שלום־פּראָגראַם פון דער ישראל־רעגירונג – זינט דעם 11טן יוני 1967, ווען ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן דער פייער־איבעררייס. פאַר דער אָפּגעלאָפענער צייט האָבן אָבער די שכנים געהאַט אַן אַנדערן צוגאַנג און ענטפער אויף דעם פּראָבלעם פון שלום אין ראַיאָן:אויסמאַטערונג־מלחמה ביים סועץ; טעראָר־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייער צאָל איז געהאַט דערגאַנגען ביז פערציק; דיפּלאָמאַטישער דרוק און פּאָליטישער שאַנטאַזש אין אונ״אָ, ביי די גרויסמאַכטן און ביי יעטוועדער רעגירונג ווו ס׳איז געווען דער קלענסטער אויסזיכט עפּעס צו דערגרייכן; אומאויפהערלעכע דראָונגען "אָפּצונעמען מיט כוח דאָס אַלץ וואָס איז גענומען געוואָרן מיט כוח".

דער טאָן פון דראָונגען האָט ניט אויפגעהערט אויך איצט, אויף דער שוועל פון זעקסטן יאָרטאָג פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, הגם די אַלע פריער אויסגערעכנטע מיטלען האָבן דעם אַראַבישן צד ניט אומגעקערט קיין איין שפּאַן ערד פון די פאַרנומענע געביטן. מיט מאַניאַקישער עקשנות חזרט איבער סאַדאַט זיינע רייד וועגן באַפרייען דאָס פאַרכאַפּטע לאַנד, דערנידעריקן ישראל און איינברעכן איר שטאָלץ. ער איז נאָך אַלץ גרייט מקריב צו זיין אַ מיליאָן מצרישע זעלנער – נאָר "טרייסט זיך", אַז אויך ישראל וועט באַצאָלן מיט אַזאַ קרבן, אויב ניט אַ גרעסערן. לעצטנס איז גאָר אויסגעוואַקסן זיין אַפּעטיט: "ניט נאָר באַפרייען די שטחים, נאָר איינשרומפּן ישראל אַנטקעגן די גרענעצן פון מאי 1967". נאָר דאָסמאָל – אָנעם קאַלענדאַר, צי זייגער. געענדיקט מיט די אולטימאַטומס ווי אַ שטייגער "אַ יאָר פון אַנטשיידונג" און ענלעכע. סאַדאַט האָט אַ נטיה צו פאַרשיכּורן זיך מיט רעדעס, ווי זיין פאָרגייער נאַצער. מיר ווייסן אָבער צו וואָס עס קענען דערפירן אומפאַראַנטוואָרטלעכע רייד פון אומבאַרעכנטע דיקטאַטאָרן, וואָס געניסן נאָך דערצו פון דער אַפּוטראָפּסות פון אַזאַ טאָטאַליטאַרן רעזשים ווי דער סאָוויעטישער. נאָכן אומקערן זיך פון זיין לעצטן באַזוך אין מאָסקווע, האָט ער גראָד דאָרט באַקומען "גרינע ליכט" צו באַנוצן זיך מיט אַנדערע מיטלען ווי די פּאָליטישע. ס׳איז קלאָר פאַרוואָס דער קרעמל העלפט צו דעם מצרישן הערשער צו העכערן דעם טאָן און שאַפן דעם איינדרוק פון באַנייטע שלאַכטן וואָס אָט־באַלד הייבן זיי זיך אָן. דאָס איז קודם כל דערפאַר, ווייל ניקסאָן דאַרף באַזוכן מאָסקווע און ס׳וועט ניט שאָדענען, ווען די אַמעריקאַנער און סאָוויעטישע מנהיגים וועלן ווערן איבערגענומען מיט דער

באַנייטער מלחמה־געפאַר אויפן נאָענטן מזרח, וואָס דאַרף צואיילן אַן אויפגעצווונגענע לייזונג. סאַדאַטס קאָנצעפּציע איז די, אַז מצרים איז ווייניקער אָפּהענגיק פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי ישראל פון אַמעריקע — און נאָר וואַשינגטאָן קאָן דיקטירן ירושלים אַ ריקצוג פון שטחים. אמת, פון איין זייט רופט ער צו נאַציאָנאַלער איינהייט אינעווייניק, צו אַן אַלגעמיין־אַראַבישער סאָלידאַריטעט אין דרויסן און צו מאָביליזירן שטיצע פון אַלע זיינע פריינד, מיטן ראַטנפאַרבאַנד בראש. נאָר אַ שטיין וואָלט אים אַראָפּ פון האַרץ, ווען ניקסאָן איז מסוגל צו באַפעלן גאָלדע מאיר, אַז צה״ל זאָל צוריקגיין צו די גרענעצן פון 5טן יוני 1967...

אַזאַ איז געווען די פּאָליטיק און טאַקטיק פון די אַראַבישע הערשער אין די לעצטע יאָרן: די מלחמה האָבן פאַר זיי באַדאַרפט פירן פּאַלעסטינער טעראָריסטן און די הויך־פּאָליטיק — קאָסיגין. אויף די צוויי פראָנטן האָט נישט קאַיר צו פאַרצייכענען קיין באַזונדערע דערפאָלגן. פונקט ווי די איינהייט פון דער אַראַבישער וועלט שטייט אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן, אפילו ווען ס׳איז אַנטשטאַנען די פעדעראַציע עגיפּטן־סיריע־ליביע. מיט אַנדערע ווערטער — דער פּאַן־אַראַביזם וואָס איז געפּרעדיקט געוואָרן פון מצרים, האָט ניט קיין צו שטאַרקע אחיזה אין דעם ראַיאָן.

די אַלע דורכפאַלן פון דער אַראַבישער מלחמה־סטראַטעגיע און פּאָליטישער טאַקטיק מעגן לאָזן אין אונדזערע הערצער אַ פונק פון האָפענונג, אפשר פאַרט וועט דער צד שכנגד זיך באַרעכענען און אַוועקזעצן ביים פאַרהאַנדלונג־טיש. פאַר די אָפּגעלאָפענע 5 יאָר האָבן אפילו זיי געקענט זען, אַז די אַראַבישע באַפעלקערונג אויף די פאַרנומענע געביטן איז ניט מיטגעריסן געוואָרן מיט די דיווערסאַנטן; אַז עקאָנאָמישער וווילשטאַנד און געהעכערטער לעבנס־ניוואָ איז דער סימן מובהק פון סטאַביליזאַציע און באַרויקונג; די אָפענע בריקן צווישן ירדן און יהודה און שומרון פונקציאָנירן אָן איבעררייס; אַראַבער פון פיינדלעכע מדינות מעגן אומגעשטערט באַזוכן זייערע משפחות אין ישראל; די רעבעלישע עזה־געגנט האָט זיך איינגעשטילט און זייערע אינווויינערס באַזוכן ישראל אָן באַזונדערע דערלויבענישן; ביי אַ 50 טויזנט אַרבעטער פון די שטחים האָבן באַשעפטיקונג און פּרנסה אין די ישראל־גרענעצן; דער גרויסער אָנטייל אין די מוניציפּאַלע וואַלן אין אַ ריי שטעט פון שומרון און יהודה האָבן אַמבולטסטן אַרויסגעבראַכט די שטימונגען און געפילן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

דער דאָזיקער 5־יאָריקער בילאַנס געהערט אומבאַדינגט צו די ווונדערבאַרע אויפטוען און דערגרייכונגען פון דער מיליטערישער און ציווילער אַדמיניסטראַציע. די שטחים וואָס ווערן איצט פאַרוואַלטעט דורך ישראל, האָבן בעת דער מצרישער און ירדנער הערשאַפט דאָרט ניט געוווּסט פון אַזאַ עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סטאַבילקייט. אויף אַ גאָר באַשיינפּערלעכן אופן קומט דאָס צום אויסדרוק אין דער פאַרייניקטער ירושלים — פון דער זעלבער שטאָט, פונוואַנען ס׳איז כסדר אויסגעשטרעקט די האַנט צו שלום און ס׳איז נאָך אַלץ גילטיק דער באַשלוס פון דער רעגירונג, אַקצעפּטירט דורך דער כנסת, ווי אַזוי לייזן דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט:

אַ סוף מאַכן מצד מצרים און ירדן און ישראל צו אַלע טענות וועגן מלחמה־צושטאַנד, אַנערקענען די סוווערעניטעט פון יעדער מדינה, זייער טעריטאָריאַלע גאַנצקייט און פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט און זייער רעכט צו לעבן בשלום, אין זיכערע און אַנערקענטע גרענעצן, אָן דראָונגען צו באַנוצן זיך מיט כוח. יעדער צד וועט ניט דערלאָזן קיין פיינדלעכע טעטיקייט פון זיין טעריטאָריע קעגן אַ צווייטער מדינה.

און דער עיקר: דאָס צוריקציען זיך פון ישראל פון די פאַרנומענע געביטן צו זיכערע, אַנערקענטע און איינפאַרשטאַנענע גרענעצן — וועט באַשטימט ווערן אינעם שלום־אָפּמאַך. ישראל וועט זיך באַטייליקן אין אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען — אָן שום פאָרבאַדינגונגען. יעדער צד וועט זיין פריי צו דערלאַנגען זיינע פאָרשלאָגן לגבי דער טעמע וואָס וועט זיך געפונען אויפן טאָג־אָרדענונג.

דער באַשלוס נומער 242 פונעם זיכערקייט־ראַט איז די באַזע פאַר אַזעלכע געשפּרעכן — מיט צי אָן פאַרמיטלערס. גוט וועלן טאָן די אַראַבישע מנהיגים, אויב זיי וועלן אויפהערן דראָען מיט מלחמה און זיך אַוועקזעצן ריידן תכלית. זיי וועלן דערפון אַ סך מערער דערגרייכן.

(פּא״צ י״ם, מאי 72׳)

# נײַ־יאָר דערמאָנונגען

דער אָפּשייד פונעם אַלטן יאָר און דער אויפנעם ופון נייעם יאָר, איז תמיד באַגלייט מיט אַ בליק אויף צוריק, מיט אונטערציען אַ סך־הכל פון די אָפּגעלאָפענע 365 טעג, און גלייכצייטיק — אַ פּרווו אָנצוצייכענען אַ פּראָגנאָז, ריכטיקער, אויסדריקן פאַרלאַנגען לגבי דעם יאָר תשל״ג הבא עלינו לטובה. וולען מיר בלייבן טריי דעם דאָזיקן זשורנאַליסטישן מינהג און פּרובירנדיק רעזומירן דאָס פאַרגאַנגענע, וועט מען ביי דער געלעגנהייט זיך ״לערנען טרעפן״ בנוגע דעם צוקונפטיקן...

א

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר תשל״ב האָט געהאַט זייער אַ סך אַטריבוטן באַצייכנט צו ווערן, פון ריין ישראלדיקן און אַלגעמיין־יידישן שטאַנדפּונקט, ווי אַ יאָר פון פאַרהעלטנישמעסיקער רו צוליבן פייער־איבערייס אויפן סועץ וואָס איז שוין אַריין אין דריטן יאָר, ווי אויך אַ דאַנק דעם איינגעשטילטן טעראָר אויף די פאַרנומענע געביטן. איז אָבער געקומען דער נידערטרעכטיקער מאָרד פון געוויסנלאָזע אַראַבישע רוצחים איבער די עלף ישראלדיקע ספּאָרטלערס צו דער אָלימפּיאַדע אין מינכן און אונדז צוריקגעפירט צו אַ ווירקלעכקייט וואָס מיר האָבן טיילמאָל געמיינט, אַז זי איז שוין ווייט הינטער אונדז. ווער שמועסט נאָך, אַז די בלוטיקע געשעענישן אין מינכן האָבן בעל כורחו אַרויסגערופן אַסאָציאַציעס פון די ביר־קעלערן אין יענער שטאָט, וווּ ס׳איז געבוירן געוואָרן דער מטורפדיקער היטלעריזם, וועלכער האָט געבראַנגט דעם גרעסטן אומגליק אויף אונדזער פאָלק.

אמת, אין פאַרלויף פון תשל״ב איז אויך געווען דער פאַל פון פאַרכאַפּן אַ ״סאַבענאַ״־עראָפּלאַן, לאַנדן מיט אים אין לוד און פאָדערן די באַפרייונג פון הונדערטער טעראָריסטן. צה״ל האָט זיך אַן עצה געגעבן מיט יענער גרופּע לופט־פּיראַטן, זיי ליקווידירט און די פּאַסאַזשירן באַפרייט. באַלד דערנאָך איז געקומען דאָס אומגליק מצד דריי יאַפּאַנישע רוצחים, אידעישע משרתים און טרייע נאָכפאָלגערס פון דער ״פאַטאַך״־סטראַטעגיע, צו מאָרדן אומשולדיקע קרבנות. נאָר אַנטקעגן די פּילצאָליקע טעראָר־אַקטן אין די יאָרן 1971 — 1968, האָבן די צוויי דערמאָנטע געשעענישן אויפן עראָפּאָרט אין לוד באַדאַרפט גיכער באַטראַכט ווערן ווי איינצלנע, ספּאָראַדישע אַקטן פון יאוש און דעגענעראַציע פון אַ געשלאָגענער באַוועגונג, איידער אַן אויסדרוק פון גבורה און נייעם קאַמפסוועג. נאָר מיטן אָפּשטעלן די אויסמאַטערונג־מלחמה, וואָס האָט מערער פאַרמאַטערט קאַיר איידער ישראל און נאָכן באַהערשן די לאַגע אין עזה־ראַיאָן, האָבן מיר געמעגט זיך לאָזן באַהערשן פון אַ פאָרזיכטיקן אָפּטימיזם, אַז אַ באַרויקונג אויף יענע צוויי וויכטיקע פראָנטן וועט מיט דער צייט דערפירן צו אַן אַלגעמיינעם שטילשטאַנד. נאָר ווייזט אויס, אַז גערעכט איז משה דיין מיט זיין דערקלערונג אין מאָנטרעאַל אויף אַ מגבית־קאָנפערענץ, אַז די אַראַבער ווילן ניט קיין שלום און זענען ניט מסוגל צו פירן קיין מלחמה — דעריבער באַנוצן זיי זיך מיטן טעראָר.

אויף דער שוועל פון נייעם יאָר איז דעריבער דער ענין פון קאַמף מיטן אַראַבישן טעראָר און זיינע פאַנאַטישע טרעגערס פון ״שוואַרצן סעפּטעמבער״ און פון דער ״אָרגאַניזאַציע צו באַפרייען פּאַלעסטינע״, געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פאַר די זיכערהייט־כוחות פון ישראל. אויך די פול־פאַרזאַמלונג פון אונ״אָ האָט באַשלאָסן צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם.

מיר אַלע וועלן אָן שום ספק זיין פולע שותפים צו דער ברכה, אַז עס זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג דער קאַמף מיט די שוואַרצע כוחות פונעם אַראַבישן טעראָר, וועמענס מאָרד־מלאכה איז נאָר לשם מאָרד.

ב

ווי האָט אויסגעזען דער אינערלעכער פראָנט אין ישראל אין יאָר תשל״ב?

ווי תמיד, גרויסע דערגרייכונגען און קליינע דורכפאַלן אין אַלע סעקטאָרן פון אונדזער דינאַמישן לעבן. וואָס שייך דעם עקאָנאָמישן וווילשטאַנד, דאַרף מען ניט אָנקומען צו קיין סטאַטיסטיקעס און אַנדערע באַווייזן. גענוג צו דערמאָנען, אַז אין ישראל איז נישטאָ היינט־צו־טאָג

קיין אַרבעטלאָזיקייט. פאַרקערט, עס פילט זיך אַ מאַנגל אין אַרבעט־הענט, באַזונדערס פון פאַכלייט און ספּעציאַליסטן. נעמענדיק אין אַכט וואָס די באַרויקונג אויף די פראָנטן האָט באַפרייט אַ סך אַרבעט־הענט און פון די פאַרנומענע געביטן קומען טאָג־טעגלעך אַ 46 טויזנט אַרבעטער אין ישראל גופא, מעג מען זאָגן, אַז אויפן געביט פון באַשעפטיקונג הערשט ממש אַ פּראָספּעריטי. פּאַראַלעל צו אַזאַ דערשיינונג, וואָלט באַדאַרפט פאַלן די פאַרברעכערישקייט, לויט דעם אָנגענומענעם כלל, אַז קריזיסן און אַרבעטלאָזיקייט זענען אַ גינסטיקער באָדן פאַר אַנטי־סאָציאַלע עלעמענטן. ליידער, בעת אַרבעט איז דאָ בשפע – שטייגט גלייכצייטיק די צאָל פאַרברעכערס, באַזונדערס ביי דער יוגנט. דאָס דערמאָרדן דעם 18־יאָריקן זעלנער מישא גרון אינעם שטעטל משמר העמק, אין ערשטן טאָג ראש־השנה, דורך אַ דעמאָראַליזירטן יוגנטלעכן, איז אַן אַלאַרם ניט נאָר פאַר דער פּאָליציי, געריכט־וועזן, דערציִערס – נאָר פאַר דער גאַנצער מדינה.

אויך אויף אַנדערע געביטן האָבן ניט געפעלט קיין צרות און פּראָבלעמען, באַגלייט מיט אויפטוען. בעת די עליה פון ראַטנפאַרבאַנד איז אָנגעגאַנגען אין די "געוויינלעכע" נאָרמעס, איז פאַר ראש־השנה געקומען די גזירה פון "אויסקויף־געלט", וואָס האָט באַדאַרפט פאַרמאַכן דעם וועג פאַר יידישע אַקאַדעמיקערס צו קומען קיין ישראל, אָדער גאָר – אַריינברענגען מיליאָנען רובל אין דער סאָוויעטישער מלוכה־קאַסע פון דער דאָזיקער קאָנטריבוציע. און בעת יידן אונטערן סאָוויעטישן רעזשים פירן אַ מוטיקן, אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר פרייער עליה, איז די צאָל עולים פון די מערב־לענדער, ווו דער אַרויספאָר איז פריי – שטאַרק געפאַלן. צום ביישפּיל: אין יאָר 1970 האָבן פון די פאַר. שטאַטן עולה געווען 9470 יידן און אין יאָר 1971 – מיט 770 וויניקער. אין 1972 איז דער ציפער אַ נאָך קלענערער. אויך אין מערב־אייראָפּע "שטייט מען ניט אין דער ריי" אין די עליה־אָפּטיילונגען פון דער סוכנות אין פּאַריז, בריסל, לאָנדאָן, צי אַמסטערדאַם. וואָס שייך דער קליטה, איז פאַראַן אַ סך אַ סך ליכט, נאָר מיט אַ צוגאַבע פון שאָטן־זייטן. מיט וויפל פרייד קומען (און מיר נעמען זיי אויף מיט שמחה!) די יידן פון גרוזיע, פאַר וועלכע עס וואַרטן דירות און באַשעפטיקונג אין פיל ערטער ווו מען קאָן לעבן צווישן אייגענע. ס'איז אָבער גענוג אַז איינע, צי עטלעכע פאַמיליעס זייערע זאָלן אָנהייבן שטרייקן באַלד נאָכן אויסשטייגן פון עראָפּלאַן וועלכער האָט זיי געברענגט פון ווין, ווייל זיי ווילן צ.ב.דווקא חולון, אַנשטאָט קרית מלאכי – און באַלד שאַפט זיך אַ קאָנפליקט צווישן דער עליה און קליטה. איצט קומט צו אונדז אַ נייער יידיש'ר יבשט, אויך פונעם סאָוויעטישן גלות – די בוכאַרער יידן. אוודאי וועלן אויך דאָ זיין פּראָבלעמען, פונדעסטוועגן זאָגן מיר: כן ירבו די צאָל עולים פון אַלע קאָנטינענטן, אפילו ווען עס מערן זיך אויך פּראָבלעמען.

אַ גרויסע עליה, אַ לייכטע קליטה און אַ פאַרשנעלערטער פּראָצעס פון מיזוג גלויות – באַלאַנגען צום שטענדיקן "רעפּערטואַר" פון די ניי־יאָר ברכות אין ישראל.

ג

הגם דאָס עליה־פּראָבלעם פאַרנעמט תמיד אַ בכבודיקן אויבנאָן אין דער מדינה, זענען מיר אין פאַרגאַנגענעם יאָר נישט געווען באַפרייט פון אַ גאַנצער ריי סאָציאַלע פּראָבלעמען. גענוג צו דערמאָנען די דירות־נויט פון משפחות וואָס זענען געבענטשט געוואָרן מיט אַ סך קינדער; דער קאַמף פון די יונגע פּאָרלעך פאַר אַ לייטישן און צוגענגלעכן דאַך איבערן קאָפּ; די רעדוצירטע דעמאָנסטראַציעס און שוין וויניק טומלדיקע פּראָטעסטן פון די "שוואַרצע פּאַנטערס", וואָס האָבן זיך גענומען די רעכט צו ריידן אין נאָמען פון דער דערנידעריקטער און באַליידיקטער יוגנט פון די מזרח עדה'ס.

נאָך עפּעס: צו דער קאָנווענציאָנעלער פאַרברעכערישקייט פון גניבות, איינברוכן, רויבעריי (באַזונדערס – בענק), זענען צוגעקומען אַזעלכע פּרשיות פון אַמאָראַלישקייט, פאַרשווענדונגען און פאַרדאָרבנקייט, ווי "נתיבי נפט", "אוטוקאַרס", "ורד", "עמידר". ס'האָבן ניט געפעלט קיין שטרייקן, וואָס איינער פון זיי האָט אפילו דערפירט צו דער דעמיסיע פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, יצחק בן־אהרון. געווען אויך אַ דעמיסיע פונעם יוסטיץ־מיניסטער שאַפּיראָ. גוט איז געשען, וואָס ביידע האָבן זיך צוריק אומגעקערט אויף זייערע אַמטן.

קריזיסן זענען אויך געווען אין דער קאָאַליציע און אין מערך. רייבונגען מיט די רעליגיעזע איבערן נוסח און פירוש "ווער איז אַ ייד?" און דער פאָרשלאָג פון די זעלבשטענדיקע ליבעראַלן וועגן איינפירן ציווילע חתונות פאַר די וואָס די הלכה דערמעגלעכט נישט אויפצושטעלן אַ משפחה – האָבן כמעט דערפירט צום אויפלייזן די איצטיקע רעגירונג און אויך געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן דעם קיום פון מערך, ווייל מפ"ם האָט געשטיצט דעם געזעץ־פראָיעקט פון גדעון האוזנער. מיטן באַנייען די רעגולערע כנסת־זיצונגען, וועט דער ענין ציווילע חתונות ווידער געברענגט ווערן פאַר אונדזער פּאַרלאַמענט צו אַן אַנטשיידונג – און אויב ביז דעמאָלט וועט ניט געווילט ווערן דער נייער הויפּט־ראַבינאַט מיט נייע השגות און טענדענצן, ווער ווייסט צי ס׳וועלן ניט פאָרקומען פריצייטיק וואַלן צו דער כנסת, נאָך אין יאָר תשל"ג.

אויך איקרית און בירעם געהערן צום "בילאַנס" פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר.

ד

יאָ וואַלן פאַר דער צייט, ניט וואַלן – אויף אונדזער מדינה איז ווי אָפּגעמאָסטן ס׳ווערטל "דאָס הויז ברענט – און דער זייגער גייט". ניט געקוקט אויף די אַלע ראַנגלענישן, פּראָבלעמען און קריזיסן פון אינעווייניק און מיט די שכנים – האָט דער פינאַנס־מיניסטער פּ. ספּיר דערלאַנגט דעם ישראל־בירגער אַ גאַנץ פיינע מתנה פון רעדוצירטע שטייערן; די קנאַפּע 50 טויזנט עולים זענען־געוואָרן איינגעאָרדנט; דער דירות־קריזיס פאַר יונגע פּאָרלעך און פאַר די איינוואוינערס פון די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן איז אַרויף אויף אַ וועג פון פּאָזיטיווע לייזונגען – און לויט אַלע צוזאָגן, וועלן די נאָענטסטע 5 יאָר אינגאַנצן ליקווידירן דאָס פּראָבלעם.

דער עיקר: פאַראַן אינעם נייעם יאָר תשל"ג אַ דאַטע און אַ געשעעניש וואָס וועט יעדן ייד אין דער וועלט פאַרשאַפן שטאָלץ און כבוד. מיר מיינען – דעם 25סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל. אַן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט צו דערמאָנען און דעמאָנסטרירן כלפי זיך, פאַר די יידן אין די תפוצות, ווי פאַר דער ניט־יידישער וועלט, דעם ווילן און כוח פון אונדזער פאָלק אין ישראל, מיט דער מאָראַלישער, פּאָליטישער און פינאַנסיעלער הילף פון אחינו בני ישראל אין דער דיאַספּאָראַ – צו פלעגן, אַנטוויקלען און שטאַרקן די יידישע מדינה. דער דאָזיקער בונד צווישן מדינת ישראל און עם ישראל וועט קומען צום אויסדרוק אינעם באַזוך פון אַ מיליאָן טוריסטן; אינעם דורכפירן אין ירושלים און אין תל־אביב פאַרשידענע קאָנפערענצן, קאָנגרעסן און צוזאַמענפאָרן פון "באָנדס"־טוערס, מגבית־עסקנים, עקאָנאָמישע קאָנפערענץ מיטן אַנטייל פון אַ טויזנט באַטייליקטע.

די "אויסשטעלונג פון דערגרייכונגען" וועט אוודאי טריי אָפּשפּיגלען די אויפטוען פון דער מדינה אינעם אָפּגעלאָפענעם פערטל יאָרהונדערט, פונקט ווי דער מיליטערישער פּאַראַד אין ירושלים אין יום העצמאות תשל"ג וועט סומירן ישראלס דערגרייכונג אויפן זיכערהייטלעכן געביט. בעצם האָט דאָך צה"ל (צבא ההגנה לישראל – ישראלס פאַרטיידיקונג־אַרמיי) פאַרזיכערט אונדזערע נצחונות אין דריי מלחמות: 1948, 1956, 1967 און איז אויך היינט די בעסטע גאַראַנטיע פאַר אונדזער זיכערקייט.

ה

נישטאָ וואָס אויסצובאַהאַלטן: דער שונא, אַ פילפאַך גרעסערער, נאָר אַ סך אַ שוואַכערער, שטייט נאָך אַלץ ביי די טויערן פון אונדזער לאַנד און איז גרייט צו פאַרלענדן די מדינה און אירע איינוואוינערס. ס׳האָט זיך פיל געענדערט ביי אונדזערע שכנים, אויך ביי זיי לאָזט זיך מערקן אַ דינאַמישקייט אין די געשעענישן און אַנטוויקלונגען – נאָר שנאת ישראל ענדערט זיך נישט. די געשאַפענע פעדעראַציע פון מצרים, ליביע און סיריע איז גאָרנישט אַזוי אויסן די ליבע פון די אַראַבישע מדינות, ווי פיינדשאַפט צום יידישן לאַנד. נאָר צווישן אונדז געשמועסט, האָט ווער זיך פאָרגעשטעלט מיט אַ יאָר צוריק, אַז די 15 ציי 20 טויזנט סאָוויעטישע ראַטגעבערס, טעכניקערס, פליערס, מיליטערישע אינסטרוקטאָרן, וועלן אַזוי אומגעריכט און שנעל פאַרלאָזן די מצרישע ערד? אַז סיריע וועט שליסן אירע גרענעצן פאַרן ירדנער טראַנספּאָרט, און אירע הימלען – פאַר

חוסיינס עראָפּלאַנען? אַז קאַיר וועט גאָר זוכן אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך אַ מקור צו קויפן געווער, אַנשטאָט אָנקומען צו מאַרשאַל גרעטשקאָס טאַנקן און האַרמאַטן?

אוודאי זוכט סאַדאַט אַ שעיר לעזאזל אין זיינע דורכפאַלן אינעווייניק, ווי אויפן אויסערלעכן פראָנט. לויט אים, זענען אין זיינע מפּלות שולדיק די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן, די ישראלדיקע אַגרעסאָרן, די סאָוויעטישע שטרויכלונגען, די אַראַבישע רעאַקציאָנערן און די היימישע רעוואָלוציאָנערן. נאָר צוליב זיי – טענהט דער מצרישער דיקטאַטאָר – איז אויפן נאָענטן מזרח אַ צושטאַנד פון ניט מלחמה און ניט שלום, הגם ער ווייסט, אַז אין אַזאַ לאַגע איז איינציק פאַראינטערעסירט דער ראַטנפאַרבאַנד. קאַיר האָט אַן אינטערעס אויף מלחמה, נאָר זי ווייסט אַז זי קען זי נישט פירן, זי וועט זי פאַרשפּילן. בלייבט דאָך פּאָרט דער אַלטער וועג פון דירעקטע (צי אפילו אומדירעקטע) פאַרהאַנדלונגען. ס'איז פּאָרט אַ יושר זיך אָוועקצוזעצן ווי גלייכע מיט גלייכע, ניט ווי זיגערס און באַזיגטע און אַרויסלייגן די קאָרטן אויפן טיש. אוודאי וועלן די אַראַבער דאַרפן מוותר זיין אויף שטחים פון די גרענעצן פון 4טן יוני 1967, דערפאַר אָבער וועט דער ראַיאָן געבענטשט ווערן מיט אַ פרידלעכער קאָ־עקזיסטענץ, מיט אַן אויסטויש פון דיפּלאָמאַטן, פון געפאַנגענע און פאַרמשפּטע, מיט איינגעשטעלטע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע באַציונגען.

נישקשה, די וועלט האָט שוין געזען אַזעלכעס. בלויז אין לעצטן יאָר זענען מיר געווען עדות, ווי פּרעזידענט ניקסאָן האָט זיך מטריח געווען קיין פּעקין, כדי אָפּשטעלן דעם ברוגז צווישן די צוויי גרויסמאַכטן כינע און אַמעריקע; פּאַקיסטאַן פאַרהאַנדלט (און קומט אַדורך!) מיט אינדיע, ניט געקוקט אויף דער בלוטיקער מלחמה צווישןביידע צוליב בענגלאַ־דעש; דרום־ און צפון־קאָרעאַ האָבן זיך געזעצט צום פאַרהאַנדלונגטיש און אין פּאַריז פירן געשפּרעכן צפון־וויעטנאַם און דער וויעטקאָנג מיט דרום־וויעטנאַם און די פּאַר. שטאַטן. אויך כינע און יאַפּאַן בעטן זיך איבער. מיר פילן באַשיינפּערלעך, אַז נאָך אין איצטיקן יאָר וועט אין דרום־מזרח אַזיע זיך אָפּשטעלן די שרעקלעכע מלחמה. שוין־זשע וועלן די דאָזיקע פרילינגדיקע און פרידלעכע ווינטן ניט גרייכן אין אונדזער ראַיאָן?

ו

אויף די פרישע קברים פון די עלף קרבנות אין מינכען; אונטערן איינדרוק פון די רעאַגירונגען פון צה"ל אין לבנון קעגן די שלאַנגען־נעסטן פון די טעראָריסטן – איז טאַקע שווער צו געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער פראַגע. פונדעסטוועגן פילן מיר אין דער לופט, ווי קאַיר איז מערער נוטה צו אַ פּאָליטישער לייזונג, ווי צו מלחמה, בפרט נאָך, אַז זי האָט זיך לעצטנס באַפרייט, הגם ניט אינגאַנצן, פון ברעזשניעווס אַפּוטרופּסות; אַז דער ירדנער מלך חוסיין רעדט מיט גאָר אַן אַנדערע שפּראַך ווי מיט אַ יאָר־צוויי צוריק און איז אגב געווען דער איינציקער אַראַבישער הערשער וואָס האָט שאַרף פאַראורטיילט די רציחות אין מינכן; אויך סיריע האָט שוין אָנערקענט דעם באַשלוס 242 פון זיכערקייט־ראַט וועגן אַ פּאָליטישער לייזונג אויפן נאָענטן מזרח – אַ באַשלוס, וועלכן זי האָט ביז איצט אָפּגעוואָרפן און סאַבאָטירט.

וואָס שייך ישראל, איז איר האַנט, ווי תמיד, אויסגעשטרעקט צו אַ שלום. די אַראַבישע חלומות און פּרוּוון צו וואַרפן אונדז אין ים אַריין האָבן בלויז געשטאַרקט ישראל – נאָר דאָס פאַרמינערט ניט אויף אַ האָר איר רצון צו לעבן אין גוט־שכנהשאַפט. דער דאָזיקער רצון מוז אָבער זיין אַ קעגנזייטיקער, אויך דער צווייטער צד דאַרף קומען צו אַזאַ אויספיר. ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס וועט געשען. אויב יאָ, וועלן מיר אויף דער שוועל פון יאָר תשל"ד שרייבן מיט פרייד און הנאה, אַז דאָס יאָר תשל"ג (5733) איז געווען אַ יאָר פון פרידן.

וועלן מיר זוכה זיין צו אַזאַ ניי־יאָר דערמאָנונג?

(פאַ"צ י־ם, אָקט. 72')

# א ריינע ישראל

צו די פריידיקע דערשיינונגען און אויפטוען לכבוד 25 יאָר מדינת ישראל, קומט צו נאָך איינער, אַ ביז גאָר וויכטיקער אויפטו: ריינקייט! צום האַלבן יובל פון דער יידישער מדינה, האָט דער געזונטהייט־מיניסטער פּראָקלאַמירט "אַ יאָר פון ריינקייט" אין די גאַסן, געשעפטן, רעסטאָראַנען, קאַפע־הייזער, האָטעלן, בענזין־סטאַציעס, וואָס מיינט — מערער היגיענע, סאַניטאַרע איינריכטונגען און פאַרשטאַרקטער באַוווסטזיין פאַר דער באַדערפעניש אָפּצוהיטן די ריינקייט דורכן כלל ווי פון פּרט.

ס'איז שוין באמת געווען די העכסטע צייט, אַז די רעגירונג, באַזונדערס דאָס געזונטהייט־מיניסטעריום, זאָל זיך אַ נעם טאָן צום אויסרייניקן, ממש — מיט אַן אייזערנעם בעזים, דעם אָנגעזאַמלטן שמוץ אין די גרויסע שטעט, אין די קליינע געוועלבלעך, אויף די ברייטע גאַסן און שמאָלע געסלעך. אַזאַ סאָרט "טשיסטקע" האָט שוין באַדאַרפט אַדורכגעפירט ווערן אַ סך, אַ סך פריער, נאָר בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל.

דעם ישראלדיקן איינוווינער, און גאָר באַזונדערס דעם נייעם עולה און טוריסט וואָס איז געקומען פון לענדער מיט אַ קולט פאַר ריינקייט, האָבן זייער שאָקירט די נישט עסטעטישע, אַנטי־סאַניטאַרע און אַנטי־היגיענישע דערשיינונגען אין אונדזער לאַנד. אַ פאַרקויפער אין אַ געוועלבל צי אַ רעסטאָראַן־אייגנטימער און קעלנער האָבן ממש בויקאָטירט דעם ווייסן כאַלאַט, צי דאָס ווייסע רעקל; וועגן וואַשן דעם טראָטואַר ביים געשעפט, ווי דאָס ווערט טאָג־טעגלעך געטאָן אין בעלגיע — האָט מען אין ישראל בכלל נישט געוווסט. אַזאַ "אינסטיטוציע" ווי הויז־סטרוזשעס, ווי אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, וואָס האָבן געריייניקט די הייף און גאַסן — איז ביי אונדז נישט בנמצא. דעסגלייכן איז די אויפזיכט איבער די שפּייז־פּראָדוצענטן און רעסטאָראַנען אַ נישט גענוגנדיקע. אמת, די יורידישע אָפּטיילונג פון געזונטהייט־מיניסטעריום האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָר דערלאַנגט 745 געריכטלעכע אָנקלאַגעס קעגן פאַבריקן און אונטערנעמונגען וואָס באַזאָרגן אונדז מיט עסן און טרינקען. אין דער ראַם זענען אויך איינגעפלאָסן 850 פּריוואַטע אָנקלאַגעס פון בירגער. ס'איז אָבער זיך פאָרצושטעלן, אַז ביי אַ פאַרשטאַרקטער וואַכזאַמקייט פון די אַנטשפּרעכיקע אינסטאַנצן און פונעם פּשוטן ייד — וואָלטן די צאָל באַשולדיקונגען דערגרייכט אין די טויזנטער.

דאָס בילד וועט נישט זיין פול, אויב נישט צוגעבן צו דעם אַלעמען אויך דעם א.ג. עקאָלאָגישן מאָמענט, ד.ה. — די פאַראומריייניקטע סביבה, די פאַרפּעסטעטע לופט, וועלכע מיר אָטעמען אין זיך איין, דעם רויך און נעפּל וואָס טראָגט זיך פון די אויטאָס און פאַבריקן, דער אָפּפאַל און מיסט וואָס ווערט טיילמאָל געברענט נאָענט פון אַ שטאָט, ווי דאָס געשעט אין פּתח־תקוה און אין אַנדערע ערטער.

מען דאַרף דערביי נישט פאַרגעסן, אַז די אַנטשטייונג פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען קומט בדרך כלל פאָר אויף שטחים מיט גרינס,ביימער, בלומען — נאַטירלעכע "זיפּן" צו רעגולירן און לייטערן די לופט. די "גרינע גאַרטלען" אַרום די שטעט ווערן כסדר איינגעשרומפּענער, אויף זייער אָרט וואַקסן אויס קוימענס און טעלעוויזיע־אַנטענעס. בולדאָזערס צעאַקערן דעם באָדן און מיטן אַוועקהרגענען דאָס ביסל גרינס, פירן זיי אויך אויס א מאָרד איבער דער ריינער לופט.

דאַקטוירים און וויסנשאַפטלערס האָבן פון לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז פאַרפּעסטעטע לופט איז גורם צו האַרץ־קראַנקייטן און צו פאַרשטאָפּונג פון די אָטעם־קאַנאַלן און בלוטגעפעסן; אַז אויב דו שטייסט 10 מינוט אויפן כיכר דיזענגאָף אין תל־אביב און אָטעמסט דאָרט אַריין די לופט, גלייך וואָלסט אויסגערייכערט 50 סיגאַרעטן... אַז די אַסטמע אין חיפה האָט שיער נישט אָנגענומען אַן עפּידעמישן כאַראַקטער — און נאָר צוליב דער שטאַרק אַנטוויקלטער פאַבריקאַציע אין יענער שטאָט.

"די ראָזעווע לונגען פאַרשווינדן אויף דער גאַנצער וועלט, אפילו ביי קינדער אין תל־אביב" — האָט דערקלערט ד"ר לוריא, לייטער פון דער אינערלעכער אָפּטיילונג אין "איכילוב"־שפּיטאָל.

שוואַרצע לונגען זענען געוואָרן דער קענצייכן פונעם היינטצייטיקן מענטש. מיט אַ צייט צוריק האָט מען אויסגעחשבונט, אַז אויב די לופט־פאַרסמונג וועט באַדייטנדיק פאַרקלענערט ווערן, וועט די שטערבלעכקייט פון האַרץ־קראַנקייטן פאַלן אויף 20% און פון ראַק – אויף 15%. אַ דייטשער פּראָפעסאָר איז דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז אויב אין יאָר 2000 וועט נישט פאָרקומען קיין ראַדיקאַלע ענדערונג אינעם פאַראומרייניקן די לופט און דאָס וואַסער – וועט יעדער פערטער מענטש שטאַרבן פון ראַק.

היינט איז נישט שווער צו פאַרשטיין, הלמאי די איינוווינערס פון חיפה האָבן זיך אַזוי צעבונטעוועט קעגן דעם אויסשניידן אַ שטיק פונעם באַוואַלדעטן כרמל־באַרג פאַר די באַדערפענישן פון דער צעמענט פאַבריק "נשר". אַנשטאָט רויך, שלעכטע ריחות און שמוץ, ווילן חיפהער יידן איינהאַלטן דאָס ביסל גרינס, אַריינאָטעמען ריינע לופט און האָבן וווּ צו מאַכן אַ שפּאַציר. מיט איין וואָרט – זיי ווילן נישט דערלאָזן צו פאַרוואַנדלען דעם כרמל אין... צעמענט.

*

פאַראַן נאָך אַ דערשיינונג וואָס פאַראומרייניקט אונדזער לופט – די קרימינעלע פאַרברעכנס. אַ פּאָר ציפערן פון יאָר 1972, בלויז פון קרייז תל־אביב, דערציילן אויך וועגן אַ פאַרסמטער אַטמאָספער, הגם אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1971 איז גראָד צו פאַרצייכענען אַ ירידה. לאָמיר געבן דאָס וואָרט דעם פּאָליצײ־שעף פון תל־אביבער ראַיאָן וואָס האָט דערציילט, אז בלויז אין "זיין" מלכות זענען געעפנט געוואָרן 61,267 קרימינעלע אַקטן, דערפון זענען אַנטפּלעקט געוואָרן אַ 15 פּראָצענט; 12 מאָרד־פאַלן (אַנטדעקט – 9), 37 באַוואָפנטע רויב־אָנפאַלן (13), 25 פאַרגוואַלטיקונגען (16), 330 אָנקלאַגעס וועגן באַנוצן נאַרקאָטיקס, העכער 30 טויזנט גניבות, קנאַפּע 7 טויזנט געגנבעטע אויטאָס, אויסער הונדערטער פאַרהאַלטענע כוליגאַנעס, גאַסן־פרויען אדג"ל.

קלאָר, אַז אַזעלכע ציפערן (מיט וועלכע די פּרעסע באַשעפטיקט זיך, אגב, אָפטער און ברייטער, ווי מיט דערציילונגען און נייעסן וועגן בויען און אַנטוויקלען דאָס לאַנד), געהערן דאָך אויך צו דער טעמע ריינקייט – נאָר ריינקייט פון מידות, פון אַ געלייטערטער אַטמאָספער, פון פּאָזיטיווע ווערטן.

*

25 יאָר מדינה איז אַ גוטע געלעגנהייט צו פּרוּוון אונטערציִען סך־הכלען און מאַכן אויספירן בנוגע דעם ווייטערדיקן וועג פון דער מדינה – נישט נאָר אויפן געביט פון ריינקייט. דעם ביישפּיל פון געזונטהייט־מיניסטער וויקטאָר שם־טוב צו פּראָקלאַמירן אַ ריינע ישראל, וואָלט, למשל, באַדאַרפט אָנרעגן אויך דעם פינאַנס־מיניסטער פּנחס ספּיר צו פּראָקלאַמירן "אַ יאָר פון אַ געענדערטער עקאָנאָמישער און געלייטערטער שטייערן־פּאָליטיק" לטובת די אַרבעטנדיקע שיכטן, באַזונדערס לגבי די ווייניק פאַרדינענדיקע; ס'וואָלט אויך נישט געשאַדט, ווען דער רעליגיעס־מיניסטער ד"ר זרח ווארהאַפטיג זאָל פּראָקלאַמירן אַ מין "סולחא" (איבערבעטונג) צווישן דעם רעליגיעזן און וועלטלעכן טייל פון דער באַפעלקערונג און אַז די צוחאַמענשטויסן צווישן די־אָ גרופּן זאָלן אויפהערן; אַז דאָס דערציִונג און קולטור־מיניסטעריום זאָל דערמעגלעכן אומזיסטיקע בילדונג די אַלע תלמידים פון די פיל־קינדער משפּחות – פון קינדערגאָרטן ביזן אוניווערסיטעט.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פאָדערונג צו רייניקן, ענדערן, רעפאָרמירן, דאַרף דערלאַנגט ווערן צו אַלע אונדזערע מיניסטעריומס. אַ גוטע געלעגנהייט דערצו איז נישט נאָר דער האַלבער יובל פון דער מדינה, נאָר אין אַלע צייטן פון יאָר. אָבער אַזאַ דאַטע ווי אַ פערטל יאָרהונדערט יידישע מדינה איז אוודאי און אוודאי אַ טעמע צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אַ ריינער ישראל אויף אַלע פראָנטן און געביטן פון אונדזער נאַציאָנאַלן, סאָציאַלן, ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. דער באַגריף עקאָלאָגיע דאַרף נישט דאָמינירן איבער אידעאָלאָגיע און דער קאַמף פאַר עטישע ווערטן דאַרף זיין נישט קלענער ווי די מלחמה פאַר עסטעטיק און היגיענע.

**אַ ריינע ישראל איז טאַקע זייער וויכטיק, נאָר זי דאַרף זיין ריין — אין אַלע הינזיכטן...**

(י"ש ת"א, 7.2.73)

# מען קלאַמערט זיך ־אַלץ ביים אַלטן...

מיט אַ צייט צוריק האָט ד״ר קורט וואַלדהיים, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אונ״אָ, רעזומירט אין אַ ספּעציעלן דאָקומענט די ביז איצטיקע אויפטוען פונעם אונ״אָ־שליח פאַרן נאָענטן מזרח, ד״ר גונאַר יאַרינג און גלייכצייטיק רעקאָמענדירט די צעקריגטע צדדים זיי זאָלן רעגולירן דעם קאָנפליקט אין די ראַמען פון זיכערקייט־ראַט.

א

אַזאַ רעקאָמענדאַציע וואָלט אייגנטלעך באַדאַרפט דערפרייען דאָס האַרץ פון יעדן שלום־ליבנדיקן מענטש, אויב נאָר ס׳וואָלט געווען די קלענסטע אויסזיכט, אַז דער זיכערקייט־ראַט וועט זיין מסוגל צו דערפילן די־אָ אויפגאַבע אָן פּניות, מיט עלעמענטאַרער אָביעקטיווקייט און ערלעכקייט. גענוג אָבער צו דערמאָנען, אַז פון די ראַט־מיטגלידער וואָס רעפּרעזענטירן 15 מדינות, זענען 7 פון זיי ברוגז מיט ישראל, האַלטן ניט מיט איר אָן קיין שום דיפּלאָמאַטישע באַציונגען – און גלייך פאַרגייט דער אַפּעטיט צו פאַרלאָזן זיך אויפן יושר פון אַזאַ קערפּערשאַפט. דערביי דאַ מען ניט פאַרגעסן, אַז זינט דער גרינדונג פון אונ״אָ אין סאַן־פראַנציסקאָ מיט 28 יאָר צוריק, דער רוב שלום־אָפּמאַכן צווישן פיינדלעכע און מלחמה־פירנדיקע מדינות דערגרייכט געוואָ, אויסער דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער (ווי דער פרידן צווישן פראַנקרייך און אַלזשיריע, דער הסכם אין טאַשקענט צווישן אינדיע און פּאַקיסטאַן, די נאָרמאַליזירטע באַציונגען צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד מיט אירע סאַטעליטן, דער פייער־איבערייס אַמעריקע־וויעטנאַם). דערפאַר לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז אַזאַ טראַגישער און קאָמפּליצירטער קאָנפליקט ווי דער אויפן נאָענטן מזרח, זאָל געפינען זיין לייזונג גראָד ביים זיכערקייט־ראַט, וועלכער האָט ניט צו פאַרצייכענען קיין דערפאָלג אויפן שלום־פראָנט און איז אַזוי טענדענציעז צונויפגעשטעלט.

נאָך עפּעס: אין דער אַראַבישער וועלט גילט נאָך אַלץ די לאָזונג פונעם פאַרשטאָרבענעם מצרישן פּרעזידענט נאַצער, אַז ״וואָס מ׳האָט גענומען מיט כוח, וועט ווערן צוריק גענומען מיט כוח״. וואָס שייך מיליטערישן כוח, מילא, זענען עס דערוויַיל בלויזע דראָאונגען. דערפאַר אָבער ווערט אָנגעווענדעט אַ סך מי בנוגע דיפּלאָמאַטישן כוח. בעת די טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציעס פירן די מלחמה פאַר קאַיר, דמשק און טריפּאָלי, אַזוי האָט ברעזשניעוו, טיטאָ און פּאָמפּידו זיך איינגעשפּאַנט צו פירן די פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע מערכה פאַר די אַראַבער. אויף דעם אָפּשניט זענען אונדזערע שכנים באַזונדערס אַקטיוו. סאַדאַטס שליחים באַזוכן אַ סך הויפּטשטעט, אַריינגערעכנט וואַשינגטאָן, כדי מיט תחנונים, דראָונגען, שאַנטאַזש און שלום־חנדלעך, אויספּרעסן פאַר זיך דעם געגאַרטן צוריקטריט פון ישראל צו די גרענעצן פון 4טן יוני 1967, אָן וועלכע ס׳איז גאַראַנטיעס, צי עקוויוואַלענט מצד די אַראַבער. די־אָ דיפּלאָמאַטישע אַטאַקע ברענגט אויף ישראל אַ סך דרוק און דראָונגען, פריינדלעכע עצות און איינזייטיקע, אומיושרדיקע באַשלוסן פון דער אונ״אָ פול־פאַרזאַמלונג און פון זיכערקייט־ראַט. דעריבער איז ניט קיין ווונדער, וואָס ירושלים באַציט זיך מיט טויזנטער באַוואָרענישן צו דאָקומענטן וועלכע קומען פונעם אונ״אָ־בנין אין ניו־יאָרק, אפילו ווען זייער מחבר איז דער גענעראַל־סעקרעטאַר אַליין.

מיר געדענקען גוט די האַלטונג פון אונ״אָ אין די קריזיס־טעג פון מאַי 1967, וואָס האָט אין אַ ניט קליינער מאָס געשטויסן ישראל צום פּרעווענטיוון קריג. ווייל נאָך דער מצרישער בלאָקאַדע פונעם טיראַנער איינגוס און נאָכן באַזייטיקן די ״בלויע אַרמיי״ פון דער ישראל־עגיפּטישער גרענעץ, האָט די אונ״אָ, איר סעקרעטאַר און דער זיכערקייט־ראַט, ניט אַריינגעטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער צו פאַרמיידן די מצרישע דראָאונגען און אַגרעסיע, בעת אין יענע טעג איז אונדזער גאַנץ פאָלק – אין דער מדינה און אין די תפוצות – געווען דורכגענומען מיטן טיפן באַוווסטזיין, אַז אונדזער לאַנד דראָט אַ ממשותדיקע געפאַר און אַז די הונדערטער טויזנטער מצרישע, סירישע און ירדנער זעלנער וואַרטן בלויז אויפן געהעריקן באַפעל.

ב

אַוודאַי איז מלחמה דאָס סאַמע עקסטרעמע מיטל. איז אָבער געווען פאַר אונדז אַן אַנדערע ברירה? איין קורצער זאַץ אין דער דעקלאַראַציע פון דער ישראל־רעגירונג מיט 6 יאָר צוריק האָט טריי געשילדערט די לאַגע:״די ארמייען פון מצרים, סיריע און ירדן זענען גרייט צו אַ פראָנטאַלער און באַלדיקער אַטאַקע, וועלכע באַדראָט די עקזיסטענץ פון דער מדינה״. טאָ ווי האָבן מיר געקענט אַנדערש טראַכטן, נאָכדעם ווי מיר האָבן אין די יאָרן 1939 – 1945 פאַרלוירן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע און דער היגער ישוב האָט גוט געדענקט די אַראַבישע אַגרעסיע אין מאַי 1948, נאָכן פּראָקלאַמירן די מדינה און די גרויסע צאָל קרבנות מיט וועלכע ער האָט דעמאָלט באַצאָלט? דערפאַר איז מען געווען אַזוי אַנטשלאָסן צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן, דאָס פאָלק, אונדזערע משפחות – און מיט זעקס יאָר צוריק, האָט אַ קליין לאַנד, אַרומגערינגלט פון שכנים וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן עס אומצוברענגען, אָפּגעהאַלטן אַן אומגלויבלעכן נצחון איבער די אַגרעסאָרן. דאָך האָט מען אַלץ ״געוואַרט אויף אַ טעלעפאָן״ פון נאַצערן, צי פון כוסיינען. נאָר אָנשטאָט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט פון קאַיר צי ראַבאַט־אַמאָן, איז פון דער ווייטער ניו־יאָרק געקומען אַ באַשלוס נומער 242, שוין נאָכדעם ווי אין כאַרטום, סודאַנס הויפּשטאָט, איז געפאַלן דער אַל־אַראַבישער באַשלוס פון ״דריי מאָל ניין: קיין שלום, קיין פאַרהאַנדלונגען, קיין אַנערקענונג״. אַזאַ צוגאַנג זייערער האָט דערפירט אין ראַיאָן צו פּאָליטישער סטאַגנאַציע און צה״ל געפינט זיך נאָך אַלץ ביים סוּעץ, ביים ירדן און אַ 60 – 70 קילאָמעטער פון דמשק – און האָט ניט בדעה פון דאָרט צו רירן זיך, כל־זמן ס׳וועט ניט געחתמעט ווערן אַ שלום־אָפּמאַך.

בעת אין ישראל צייכנט מען פאַרשידנאַרטיקע מאַפּעס און גרענעץ־ליניעס פאַרן צוקונפטיקן פרידן מיט די שכנים, ווי דער שלום־פּלאַן פון מפ״ם, פון יגאל אלון, פון משה דיין, פון פנחס ספיר, פון מנחם בעגין, פון יצחק בן־אהרון – האָבן די אַראַבער אויף דעם אַלעמען איין ענטפער: צוריק צו די גרענעצן פון 4טן יוני 1967! בעת אין אונדזער דעמאָקראַטישן רעזשים זענען פאַראַן אַלערליי וואַריאַנטן בנוגע אַ פרידנס־הסכם, קלאַמערן זיך אונדזערע שכנים אינעם איין־און־איינציקן פאָרשלאַג וועגן אַ באַדינגונגסלאָזן צוריקטריט, ווי עס פּאַסט פאַר טאָטאַליטאַרע רעזשימען.

אין מדינת ישראל איז אויך מעגלעך אַזאַ אויסטערלישע דערשיינונג ווי אייבי נתן, וועמענס ״שלום־שיף״ האָט זיך באַוויזן אין ראַיאָן אין דער זעלבער צייט, ווען ס׳איז דערשינען וואַלדהיימס באַריכט. ווי מ׳זאָל זיך ניט באַציִען צו דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער און תמימותדיקער געשטאַלט און צו זיין שלום־אַקציע, איז צווישן די 100 מיליאָן אַראַבער דערווייל נאָך ניט אויפגעשטאַנען זייערער אַן אייבי נתן...

ג

אמת איז, אַז פון די דריי געוווּנענע מלחמות אונדזערע מיט די אַראַבער, האָבן מיר נאָך אַלץ ניט געוווּנען דעם שלום. אָבער וואָס איז **זיי** אַרויסגעקומען דערפון, ספּעציעל פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה? דער סועץ־קאַנאַל איז געשלאָסן און זייערע געלט־פאַרלוסטן פון דעם זענען קאָלאָסאַלע; צענדליקער טויזטער פליטים פון סועץ־ראַיאָן; אַ פאַרקלענערטע טוריסטיק אין מצרים, לבנון און ירדן; אוּיפגעבלאָזענע קריגס־בודזשעטן און הפקרדיקע טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פירן אַן אויטאָנאָם לעבן אין רעכענען זיך נישט מיט די געזעצן פון די גאַסטגעבערישע מדינות.

און ישראל? מיט אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינעם כוח הערשט זי אויף די פאַרנומענע געביטן, ווו ס׳האָט זיך איינגעשטעלט רו און אָרדענונג, בעת די אַראַבישע הערשערס האָבן געהאָפט, ווינציקסטנס, אויף אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד... די נאָרמאַליזאַציע באַווייזט, אַזביידע פעלקער קאָנען לעבן בשלום, בפרט, אַז דער עקאָנאָמישער וווּלשטאַנד אין עזה־ראַיאָן, אין יהודה און שומרון איצט, האָט ניט געהאַט זיינס גלייכן פאַר יוני 1967.

גערעכט איז דעריבער געווען אבא אבן מיט זיין דערקלערונג, אַז פאַר מצרים איז געבליבן ניט מער ווי איין אָפּציע: פאַרהאַנדלונגען! אויך די ערשטע רעגירונג פון יוסף תקוע,

ישראל־פאָרשטייער אין אונ״אָ אויפן באַריכט פון קורט וואַלדהיים איז געווען, אַז די איינציקע אויפגאַבע פון זיכערקייט־ראַט דאַרף זיין: דערמוטיקן די צדדים און זיי העלפן צואַיילן דעם פּראָצעס פון אַ ממשותדיקן משא־ומתן. די פראַגע איז נאָר, צי איז פאַראַן אויף דעם אַ געוויסע האָפענונג?

ווי באַוווסט, איז דער באַריכט פונעם אונ״אָ־סעקרעטאַר געבוירן געוואָרן אין רעזולטאַט פון מצרימס ווענדונג צום זיכערקייט־ראַט צו באַריכטן וועגן יאַרינגס שליחות אין ראַיאָן און דער עיקר – געבן אַ נייעם, פּראָ־אַראַבישן פּירוש פונעם באַשלוס 242. דערביי איז די מצרישע דיפּלאָמאַטיע אויסן אַרויסצופרעסן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער נאָך אַ פּאַראורטייל פאַר ישראל, הלמאי זי האָט ניט געענטפערט פּאָזיטיוו אויף יאַרינגס אולטימאַטום זיך צוריקציען צו די גרענעצן פון 4טן יוני. הגם די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט געשאַפן אין ראַיאָן אַ נייע מאַפּע און נייע סיטואַציע, קלאַמערט זיך נאָך אַלץ קאַיר אין איר אַלטער און פאַרעלטערטער טאַקטיק פון כסדרדיקע באַשולדיקונגען, פאָרוווּרפן און טענות צו ירושלים אויף אַלע מעגלעכע פאָרומס און אָרגאַניזאַציעס.

מיט אַ כוונה האָט זי געבעטן באַשטימען דעם טאָג פון 4טן יוני אויף אָנצוהייבן די דעבאַטע אין זיכערקייט־ראַט אַרום דעם באַריכט פון ד״ר קורט וואַלדהיים. ס׳איז ניט נאָר אַ דראַמאַטיזאַציע פונעם וויכוח, וואָס וועט זיך דאַרפן אָנהייבן אין יאָרטאָג פון אויסברוך פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, נאָר פאַראַן צו דעם נאָך אַ צוגאַבע: אין חודש יוני ה. י. דאַרף יאַקאָוו מאַליק, דער סאָוויעטישער פאָרשטייער, זיין פאָרזיצער, לויט דער ריי, פונעם זיכערקייט־ראַט – דער וואָס דעמאָנסטרירט אָפן זיין אַנטי־ישראלדיקייט, אפילו מיט אַנטיסעמיטישע אָנצוהערענישן. היינט שטעלט זיך פאָר ווי טענדענציעז און איינזייטיק וועלן זיין די פאַרהאַנדלונגען אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער אינסטאַנץ וואָס איז באַרופן צו זיין נייטראַל און אומקאָרומפּירט, בפרט ביי אַזאַ פּראָבלעם וואָס הייסט – שלום.

ד

ישראל איז אָבער אויך וואַכזאַם צום פאַקט, אַז טראָץ דער דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישער אַטאַקע פון די אַראַבער און זייערע פאַרבינדעטע אין אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע, גרייט מען זיך אויך צו אַ ״פערטער רונדע״. איבעריקנס, סאַדאַט, אַסאַד, קאַדאַפי און בומעדיען מאַכן ניט דערפון קיין סוד. מאָסקווע, פּאַריז און אויך ענגלאַנד שטעלן צו מיט אַ ברייטער האַנט געווער. דער סאַודישער מלך פייצל און דאָס נעפט־פירשטנטום קוויט האָט לעצטנס איינגעקויפט פאַר מיליאָנען דאָלאַרן אַ סך מאָדערן געווער און ס׳איז זיך ניט פאָרצושטעלן, אַז דאָס אַלץ זאָל זיין באַשטימט פאַרן אייגענעם געברויך. ניט אַנדערש, עס וועט זיך אַוודאַי איבערחזרן דאָס זעלבע וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט די פראַנצויזישע ״מיראַזשן״, וועלכע ליביע האָט איבערגעפירט קיין מצרים.

אויך די אַמעריקאַנער ״פאַנטאָמס״ וועלכע סאַודיע האָט באַשטעלט אין פּענטאַגאָן, דאַרפן זיך אַריינפלעכטן אין דער אַלעמיינער אַראַבישער סטראַטעגיע קעגן ישראל.

דאָס ווערטל ״ווילסטו שלום – גרייט זיך צו מלחמה״, האָט ניט קיין שייכות צו אונדזערע שכנים. אויב זיי גרייטן זיך צו מלחמה, איז עס ניט צוליבן רצון צו דערגרייכן אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן. אין קאַיר און אין ביירוט, שוין אָפּגערעדט פון טריפּאָלי און דמשק, זעט זיך ניט דערוויל און מ׳הערט אויך ניט פון עפּעס אַ נייעד מחשבה, אַן איבעראַשצונג פון ווערטן, אויך איצט, אויפן שוועל פון זיבעטן יאָר נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה.

מען קלאַמערט זיך נאָך אַלץ ביי דעם אַלטן...

(פא״צ י־ם, יוני 73׳; י״ש ת״א, 13.6.73).

# ווידער מלחמה און פייער־איבערייס — ווען וועט זיין שלום?

פון 6טן ביזן 23סטן אָקטאָבער ה.י. האָבן יידן אין ישראל און אויף דער גאַנצער וועלט איבערגעלעבט שווערע, הערצישע טעג צוליב דער אויפגעצוווּנגענער מלחמה פון מצרים און סיריע אויף מדינת ישראל. די אַראַבישע אַגרעסיע האָט זיך אָנגעהויבן אין יום־כיפּור, דעם געהייליקטן טאָג ביים יידישן פאָלק, כדי איבעראַשן, טרעפן אונדז כלומרשט אַנטוואָפנטע און אויף שנעל, לויט זייער קאָנצעפּציע, "אָפּנעמען מיט כוח וואָס איז גענומען געוואָרן מיט כוח". צו אונדזער גליק, האָט דעם שונא ניט געסטייעט גענוג כוח און ס'איז אים אפילו ניט בייגעשטאַנען דער כוח און די מאַסיווע פּאָליטיש־מיליטערישע הילף פון ראַטנפאַרבאַנד.

די איצטיקע מלחמה, ווי די פריערדיקע, האָט אויפגעטרייסלט די מדינה, דערשיטערט דאָס פּאָלק, צעפלאַקערט דעם ראַיאָן, אַלאַרמירט די אונ"אָ און אַנגאַזשירט די גרויסמאַכטן. בדרך כלל איז עס געווען אַן איבערחזרונג פון דעם אַלעמען וואָס מיר האָבן שוין אַדורכגעמאַכט און איבערגעלעבט, נאָר אין נייע באַדינגונגען, מיט גאָר אַנדערע באַגלייט־דערשיינונגען. די געשיכטע חזרט זיך טאַקע איבער, ס'איז אָבער פּאָרט ניט קיין טרייע קאָפּיע פון דעם וואָס איז געווען. דאָס מאָל איז עס געווען די שווערסטע פון אַלע מלחמות וועלכע ישראל איז אויסגעקומען צו פירן פאַר די 25 יאָר פון איר קיום.

**מיליטערישע אַגרעסיע און פּאָליטישער חרם**

אין יום־כיפּור תשל"ד האָבן די אַראַבער איבעראַשט סיי מיט זייער פּלוצומדיקן איבערפאַל, סיי מיטן מאָדערנסטן געווער, סיי מיט זייער גרייטקייט צו שלאָגן זיך. מיט אַנדערע ווערטער: אויסער קוואַנטיטעט, איז אויך געווען קוואַליטעט. און ס'איז ניט מקנא צו זיין די אַרמיי, וואָס דאַרף פירן אַ פאַרטיידיקונג־שלאַכט אויף אָפּצוהאַלטן דעם שונא, וואָס האָט ניט נאָר פאַרעטעריש־אומגעריכט אַטאַקירט, נאָר איז אויך פילפאַכיק גרעסער אין צאָל און אין דער באַוואָפענונג. לויט דער אָפּשאַצונג פון אויסלענדישע מיליטערישע ספּעציאַליסטן, האָבן די עגיפּטער און סיריער צוגעגרייט קעגן אונדז אַן אַרמיי פון אַ האַלבן מיליאָן זעלנער, אויסגעשטאַטע מיט 4,000 טאַנקען און 1,100 עראָפּלאַנען. צה"ל קעמפט אָבער ניט "אויף באַדינגג" און אויך ביי דער נייער סיטואַציע געוווּסט ווי אַזוי זיך אַן עצה געבן מיט דעם איבערוואָג. די סיריער און מצרים זענען ניט נאָר צוריק געשטויסן געוואָרן פון וואַנען זיי זענען געקומען, נאָר אויך געמוזט זיך אַריינרוקן טיפער אין זייער שטח.

די ערשטע 3 – 4 טעג פון די קאַמפן האָבן געשאַפן דעם איינדרוק פון עפּעס אַן אַראַבישער מעטאַמאָרפאָזע: די עצם געוואַגטקייט צו אַטאַקירן די ערשטע, הגם זיי האָבן געוווּסט אַז מיליטעריש איז ישראל פיל שטאַרקער; ניט קאַפּיטולירן נאָכן ערשטן, צי צווייטן שאָס; די ממשותדיקע מיליטערישע הילף מצד איראַק, ירדן, מאַראָקאָ און סאַודיע, וועלכע האָבן געשיקט אויף די פראָנטן זייערע דיוויזיעס; דער נעפט־שאַנטאַזש מצד די לענדער וואָס באַזיצן דעם אַזוי וויכטיקן ברענשטאָף; די 18 מדינות, מיטגלידער פון דער אַראַבישער ליגע, וואָס האָבן דאָסמאָל אַרויסגעוויזן מערער סאָלידאַריטעט מיט קאַיר און דמשק ווי נאָך קיינמאָל ניט. דעסגלייכן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע האָבן די צוויי אַגרעסאָרן געהאַט די פולסטע מיליטערישע, פּאָליטישע און מאָראַלישע שטיצע פונעם ראַטנפאַרבאַנד און זיינע סאַטעליטן, פון כינע, פון דער "ניט־אידענטיפיצירטער" וועלט (וועלכע אידענטיפיצירט זיך תמיד מיט די אַראַבער). אויך די אָפענע, פּראָ־אַראַבישע דעקלאַראַציעס און סימפּאַטיעס מצד פראַנקרייך, די צבועתדיקע נייטראַליטעט פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד, האָבן פאַר אַלעמען געטראָפן ישראל. און אחרון אחרון, נאָר לגמרי ניט חביב – אַן אָנגעזעענע צאָל אַפריקאַנער מדינות וועלכע האָבן נאָך פאַר אָקטאָבער, בעת דער מלחמה און שוין אין די טעג פון פייער־אָפּשטעל איבערגעריסן מיט ישראל די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען. אויך זיי האָבן געלערנט דעם "פּאַטענט" פון אומדאַנקבאַרקייט לגבי אַ לאַנד וואָס האָט זיי געהאָלפן און פאַרורטיילט גראָד דעם באַפאַלענעם, דעם קרבן.

נאָר זע אַ ווונדער! ניט געקוקט אויף די אַלע, ממש וועזנטלעכע ענדערונגען ביי שכנים און אויף דער ברייטהאַרציקער שטיצע פון אַנדערע; טראָץ דער אומגעריכטער אַגרעסיע און פּאָליטישן בויקאָט קעגן אונדז — האָט די קליינע ישראל מיט אירע אויסגעצייכנטע באַוואָפנטע כוחות פּאָרט זיך אַן עצה געגעבן. ווידער אַמאָל האָט דוד באַזיגט גליתן. די ישראל־אַרמיי געפינט זיך ניט מער אויף די ליניעס ווי אין אָנהייב פון דער מלחמה און אויף לגמרי אַנדערע שטחים ווי די פון וועלכע דער שונא האָט געטראַכט, ווען ר׳איז אַרויס אין קריג.

**אַמעריקאַנער פריינדשאַפט אַנטקעגן סאָוויעטישער שנאה**

אין דעם גורלדיקן פאַרמעסט האָבן מיר געהאַט אויף אונדזער זייט די פאַריייניקטע שטאַטן בראש מיט איר פּרעזידענט ניקסאָן. ווי נאָר די רוסן האָבן גענומען ליפערן געווער קיין קאַיר און דמשק כדי פאַרגיטיקן די פאַרלוסטן, האָט אויך וואַשינגטאָן געלאָזט אין גאַנג איר לופט־באַן צו קאָמפּענסירן פאַר די כלים וועלכע מיר האָבן פאַרלוירן אין די שלאַכטן. די דאָזיקע ממשותדיקע הילף אין טאַנקען, האַרמאַטן, "פאַנטאָמס" און "סקייהאָקס" איז געקומען צו דער צייט, אין דער נייטיקער צאָל און אויפן ריכטיקן אַדרעס.

אין יענע האַרבע טעג איז גוט געווען צו האָבן די פריינדשאַפט פון אַ גרויסער מדינה, וואָס אויך צוליב אירע גלאָבאַלע אינטערעסן, האָט זי זיך אַנגאַזשירט לטובת ישראל. אמת, דער זעלבער גלאָבאַלער אינטערעס זאָגט אויך אונטער ניקסאָנען און קיסינדזשערן ניט תמיד צו זיין מסכים מיט גאָלדע מאיר און אבא אבן בנוגע פראַגן, וועלכע זענען פאַר אונדז לעבנסוויכטיק. נאָר מיר ווייסן, אַז אין די איצטיקע טעג האָט די אַנטשלאָסענע האַלטונג פון אַמעריקע צונישט געמאַכט די אַנטי־ישראלדיקע פאַרשווערונגען פון די ברעזשניעווס, מאַליקס און דאָברינינס, נייטראַליזירט זייערע דראָונגען, בייזע אָנצוגעהערענישן און צינישע רייד, וועלכע האָבן באַדאַרפט דערגאַנצן דעם כמעט זיכערן, אין זייערע אויגן, אַראַבישן נצחון אויף די שלאַכטפעלדער. מילא, מיט סיריע און מצרים האָבן מיר זיך אַן עצה געגעבן, נאָר וואָס שייך מאָסקווע, איז וואַשינגטאָן דער אַנטשפּרעכיקער פאַרטנער, איידער ירושלים...

דער פאַרמעסט צווישן די ביידע גרויסמאַכטן וועט אָן שום ספק פאַרנעמען אַ גאָר וויכטיקן אָרט אין דער געשיכטע פון דער יום־כיפור מלחמה. אפילו דעם 18טן אָקטאָבער, ווען סיריע האָט שוין געהאַט אַ מפּלה און מצרים איז געווען נאָענט דערפון, האָט ברעזשניעוו נאָך אַלץ געשטיצט סאַאַדאַטס פאָדערונג, אַז פאַרן פריניז פון אַ פייער־איבעררייס, זאָל ישראל זיך צוריקציען צו די גרענעצן פון 4טן יוני 1967 — ניט מער און ניט ווייניקער! נאָר אַזוי ווי אַמעריקע האָט ניט געוואָלט וועגן דעם הערן, צה״ל האָט שוין געהאַט פאַרסירט דעם סועץ־קאַנאַל און דער מרחק צו קאַיר און דמשק איז געוואָרן אַ סך נענטער ווי אין אָנהייב מלחמה — איז קאָסיגין אַלאַרמירט געוואָרן קיין קאַיר, דערנאָך — קיסינדזשער קיין מאָסקווע. און מאָנטיק, דעם 22סטן אָקטאָבער האָט דער זיכערקייט־ראַט באַשטעטיקט אויף שנעל, אָן וועלכער ס׳איז דיסקוסיע, דעם סאָוויעטיש־אַמעריקאַנער פאָרשלאַג וועגן אָפּשטעלן דאָס פייער **אויף די פּאָזיציעס ווו עס געפינען זיך די קעמפנדיקע** צדדים. 14 מדינות (פון פופצן), מיטגלידער פון זיכערקייט־ראַט, האָבן זיך צוגעאיילט צו ראַטעווען מצרים און סיריע פון אַ פולשטענדיקן מיליטערישן קראַך. די דאָזיקע אונ״אָ־אינסטאַנץ האָט בלויז געוווּסט צו זיין שטיל, גאָרניט טוען, ווען אין די ערשטע טעג קריג האָט ישראל זיך געפינען אין דעפענסיווע.

**אַ שלעכטע שטימונג נאָך אַ גוטן באַשלוס**

צומאָרגנס נאָך דעם באַשלוס, וועלכער האָט אויך אַנטהאַלטן צוויי פונקטן וועגן באַנען אַ וועג צו שלום־פאַרהאַנדלונגען, האָט גענעראַל בנימין פלד (פעלעד), שעף פון אונדזער אַוויאַציע, אָנגעהויבן זיין טאָג־באַפעל צו די פליערס מיט פאָלגנדיקע ווערטער: "הגם דאָס פייער האָט זיך איינגעשטעלט, איז נישטאָ קיין זיכערקייט אַז די מלחמה איז געענדיקט". די דאָזיקע ווערטער דריקן אויס אַן אַלגעמיין געפיל וואָס האָט באַהערשט די איינוווינערס פון ישראל, ווייל נאָכן באַשלוס פונעם זיכערקייט־ראַט און נאָכן אַריינגיין אין קראַפט פון דעם פייער־אָפּשטעל, זענען

געווען אומאויפהערלעכע פּאַרלעצונגען פֿונעם הסכּם מצד מצרים. אויסער דעם זענען מיר רייך אין דערפֿאַרונגען מיט אונדזערע שכנים בנוגע זייער צוגאַנג צו די פֿראַגן פֿון מלחמה, שלום, וואָפֿנשטילשטאַנד, פֿייער־איבערייס, טעראָר אדג״ל. אויך די ברוטאַלע פּאָליטיק פֿון מאָסקווע, וואָס שפּייזט זיך פֿונעם ישׂראל־אַראַבישן קאָנפֿליקט צוליב אירע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן, גיבן ניט צופֿיל האָפֿענונגען און דערמוטיקונג פֿאַר אַ שנעלער לייזונג.

מיר געדענקען די פֿרייד וואָס האָט געהערשט אין ראַטנפֿאַרבאַנד אין פֿעברואַר 1943, ווען דער רויטער אַרמיי איז געלונגען ביי סטאַלינגראַד אַרומצורינגלען די 330,000 קעפּיקע אַרמיי פֿון פֿעלדמאַרשאַל פֿאָן פּאַולוס, וואָס האָט באַטייט – דער אָנהייב פֿונעם סוף פֿון היטלערס מפּלה. אָבער מאָסקווע קען אונדז ניט פֿאַרגינען דעם נצחון פֿון אַרומרינגלען די דריטע מצרישע אַרמיי ביים סועץ, וואָס פֿון מיליטערישן און פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, האָט עס געהאַט אַלע אויסזיכטן צו דערפֿירן צו סאַאַדאַטס מפּלה און באַנען אַ וועג פֿאַרן שלום. די הערשער אין קרעמלין זענען ביי דער מיינונג, אַז נאָר זיי מעגן צוריקשלאָגן דעם אַגרעסאָר, אַז נאָר זיי דאַרפֿן ניט אומקערן קיין פֿאַרנומענע געביטן און אַז דער מאָנאָפּאָל אויף זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג איז אויסשליסלעך זייערער.

געווען אין לאַנד נאָך אַ סיבה צו אַ שלעכטער שטימונג: דער טיפֿער טרויער וואָס האָט געדריקט אויף אַלעמען צוליב די הונדערטער געפֿאַלענע זין, די טויזנטער פֿאַרוווּנדעטע און די אָנגעזעענע צאָל קריגס־געפֿאַנגענע. אמת, דער טויט פֿון די העלדישע בחורים האָט אונדז געגעבן דאָס לעבן. אין דער ישׂראלדיקער ווירקלעכקייט זענען דאָס ניט קיין מליצה־רייד, נאָר ריינער אמת...

ס'איז אויך געווען קלאָר, אַז ערשט נאָכן פֿייער־איבערייס דערוואַרט אונדז אַ שווערער, קאָמפּליצירטער געראַנגל וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן איבערגאַנג פֿון דער מיליטערישער מערכה (אויב ס'וועט זיין שטילו) צו אַ פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן קאַמף אין דער אונ״אָ, מיט די גרויסמאַכטן און פֿאַר אַלעמען – מיט די שכנים. צו דעם פֿאַרמעסט פֿאָדערט זיך אַ סך כּוח, נערוון, מחשבה און געוואַגטקייט.

אין לאַנד האָט זיך שוין באַנייט דער וויכּוח: אויב אפֿילו די גרענעצן פֿון נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָבן ניט געקענט פֿאַרמיידן די איצטיקע מלחמה, טאָ וואָס פֿאַראַ באַדייטונג האָט די פֿאָדערונג פֿון אונדזערע מאַקסימאַליסטן ניט צוריק געבן קיין איין שפּאַן ערד? נאָר אויף דעם קומט באַלד אַ צווייטע פֿראַגע: ווי אַזוי וואָלטן מיר אויסגעזען דעם 6טן אָקטאָבער 1973, ווען ניט די גרענעצן פֿון 11טן יוני 1967, ווען מ'האָט איינגעשטעלט דעם פֿייער־איבערייס מיט זעקס און אַ האַלב יאָר צוריק? אויך ביים פֿאַרהאַנדלונג־טיש מיט מצרים און סיריע (לאָמיר האָפֿן אַז עס וועט דערגיין צו דעם!), ווען מ'וועט אָנהייבן צייכענען מאַפּעס און באַשטימען גרענעצן, וועלן די צוויי פֿראַגן אוודאי זיין דער לייטמאָטיוו צו רעגולירן אונדזערע באַציִונגען מיט די שכנים.

און דאָס בעצם, איז די עיקרדיקע פֿראַגע און זאָרג אין איצטיקן מאָמענט: וועלן אָנהייבן ריידן דיפּלאָמאַטן – אָנשטאָט די האַרמאַטן? האָט די לעצטע מלחמה געדאַרפֿט זיין נאָך איינע פֿון דעם ציקל מלחמות אין אונדזער ראַיאָן? וועט ביים אַראַבישן צד זיך אויסקריסטאַליזירן אַ רעאַליסטישער און טעריטאָריאַלער פּראָגראַם, אָנעמבאַר אויך פֿאַר ישׂראל? האָבן דאָך אַלע זייערע פּרוּוון צו לייזן דעם סיכסוך דורך מלחמות, געענדיקט זיך מיט מפּלות. די צוויי באַשלוסן פֿונעם זיכערקייט־ראַט – נומער 224 פֿון נאָוועמבער 1967 און נומער 338 פֿון אָקטאָבער 1973, זענען אַ גענוגנדיקע **אינטערנאַציאָנאַלע** אסמכתא פֿאַר ביידע צדדים אָנצוהייבן ריידן תּכלית. נאָר פֿאַר אַלעמען דאַרפֿן דעצידירן די **נאַציאָנאַלע** אינטערעסן פֿון די פֿעלקער אין דעם ראַיאָן. אונדזערע שכנים האָבן איצט אַ היסטאָרישע געלעגנהייט און שאַנס אַרויפֿצוגיין אויפֿן קאָנסטרוקטיוון וועג פֿון שלום, אָנשטאָט די ביזאיצטיקע צעשטערערישע מלחמות. וועלן זיי דאָס טאָן? אויב מעסטן זייערע רייד, צייטונגס־אַרטיקלען און האַנדלונגען שוין נאָכן פֿייער־אָפּשטעל, באַזונדערס דער ענין מיט די ישׂראל־געפֿאַנגענע – זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז זיי איז נאָך אַלץ שווער אַרויסצוקריכן פֿון דער אייגענער הויט.

**אויך אין מלחמה־צייט איז נייטיק אַ ביסל מענטשלעכקייט**

אָט זענען סיריע און מצרים געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַזאַ הומאַניטאַרן נסיון אין די טעג פֿון דער מלחמה און נאָך איר. בעת ישראל האָט פֿון 9טן אָקטאָבער אָנגעהויבן איבערגעבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ פֿולע רשימות פֿון די קריגס־געפֿאַנגענע עגיפּטער און סיריער, האָבן יענע צוויי לענדער ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדעסטן חשק צו דערציילן וועגן דער צאָל און נעמען פֿון די צה״ל־זעלנער און אָפֿיצירן וואָס זענען אַריינגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. פֿיל טעג נאָכן פֿייער־איבעררייס, איז אָנגעגאַנגען וועגן דעם אַ נערוון־קריג. ווען ישראל האָט דערלויבט דער אַרומגערינגלטער דריטער מצרישער אַרמיי ביים סועץ צוצופֿירן וואַסער, שפּייז, מעדיקאַמענטן און געשיקט אויך פֿון אירע רעזערוון פּלאַזמעס פֿאַר די פֿאַרוווּנדעטע מצרישע סאָלדאַטן און איז מסכים צו באַפֿרייען הונדערטער זייערע פֿאַרוווּנדעטע געפֿאַנגענע וואָס נייטיקן זיך אין דרינגענדיקער מעדיצינישער באַהאַנדלונג און האָספּיטאַליזאַציע, אין אויסטויש פֿאַר אונדזערע פֿאַרוווּנדעטע – ווילן ניט די מצרים אָפּדינגען מיט דער זעלבער מטבע (אויך זיי קומט אַלץ, אַזוי ווי רוסלאַנד). זיי האַלטן אונדזערע פֿאַרוווּנדעטע און געזונטע קריגס־געפֿאַנגענע אַלס משכון פֿאַר פּאָליטישן שאַנטאַזש. אַזוי אויך האָבן זיי זיך געפֿירט כלפּי די אייגענע ברידער, די פּליטים...

**דאָס הינטערלאַנד האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען**

יעדער שעה פֿון דער מלחמה האָט אונדז געקאָסט 45 מיליאָן ל״י. יעדער טאָג – אַ מיליאַרד ל״י. די קנאַפּע דריי וואָכן קריג האָבן אַריינגעטריבן ישראל אין אַ ניט פּרעלימינירטער אויסגאַבע פֿון אַ 20 מיליאַרד ל״י. האָבן יידן אין די תפֿוצות און דאָס פֿאָלק אין ישראל זיך מאָביליזירט צו דעקן די הוצאות. זעלטן ווען האָבן הערצער געקלאַפּט מיט אַזאַ וואַרעמקייט און טאַשן האָבן זיך געעפֿנט מיט אַזאַ ברייטהאַרציקייט, ווי אין די אָקטאָבער־טעג פֿון היינטיקן יאָר. אויך דאָסמאָל האָט אונדזער הינטערלאַנד אין די תפֿוצות און אין דער מדינה גופֿא – ניט אַנטוישט. ווידער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אַן עת־צרה איז דאָ אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן, אַז דער רוב מנין ובנין פֿון אחינו בני ישראל האָט שוין פֿון לאַנג זיך באַפֿרייט פֿונעם קאָמפּלעקס וואָס הייסט ״דאָפּלטע לאָיאַליטעט״ און ניט געזען קיין סתירה צווישן זייער אַמעריקאַנער, סאָוויעטישער צי פֿראַנצויזישער בירגערשאַפֿט און דעם נאַציאָנאַלן בונד און אידענטיפֿיצירונג מיט דער יידישער מדינה.

הינטערלאַנד אין ישראל מיינט אויך – אונדזערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: די אַראַבער, בעדוינער, דרוזן און טשערקעסן און די אַראַבער פֿון די פֿאַרנומענע געביטן. אין יענע טעג פֿון אָקטאָבער איז ניט געווען צו פֿאַרצייכענען קיין שום אַקט פֿון סאַבאָטאַזש, דעמאָנסטראַציעס, שאָדן־פֿרייד, אָדער ״שאַרפֿן מעסערס״, ווי מען רופֿט דאָס. אמת, אין די ערשטע טעג זענען די אַראַבער פֿון די פֿאַרנומענע געביטן, ווי אויך די ישראל־בירגער, ניט געפֿאָרן צו דער אַרבעט קיין ירושלים, תל־אביב, חיפֿה צי באר־שבע. נאָר אַ סך פֿון זיי האָבן געשפּענדעט בלוט פֿאַר די פֿאַרוווּנדעטע צה״ל־זעלנער, באַטייליקט זיך אין דער הלוואה פֿון אייגענעם ווילן, געמאָלדן זיך צו פֿרייוויליקע אַרבעטן, אפֿילו ביי פֿאַרפֿעסטיקונגען. אייניקע מוניציפּאַליטעטן זייערע האָבן געשיקט צו די מלוכהשע פֿאַקטאָרן טעלעגראַמעס וועלכע האָבן פֿאַראורטיילט די מצריש־סירישע אַגרעסיע. קלאָר, אַז קיינער האָט זיי צו דעם ניט געצוווּנגען, פּונקט ווי ס׳איז קלאָר, אַז די דאָזיקע מינדערהייט האָט זיך נאָך ניט געשטעלט מיט ביידע פֿיס אויפֿן באָדן פֿון דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט. נאָר די אָפּגעלאָפּענע צייט פֿון יוני 1967, מיט די אָפֿענע בריקן צווישן יהודה און שומרון און צווישן ירדן (און דורך איר – צו די אַנדערע אַראַבישע לענדער), ווי אויך די אָפֿענע גרענעצן פֿאַר זומער־באַזוכן פֿאַר די איינוווינערס פֿון די פֿיינדלעכע אַראַבישע מדינות – האָבן געטאָן דאָס זייעריקע. אויב ס׳איז ריכטיק די טעזע, אַז די ישראל־אַראַבער וועלן זיין די שלום־בריק צווישן אונדז מיט די שכנים – איז די לעצטע מלחמה אַ געוויסע אַפּראָבאַטע פֿאַר דער־אָ טעזע. אַ סברה, אַז ביים אַראַבישן געבילדעטן יוגנטלעכן האָט דער יצר פֿון משלים זיין מיט דער יידישער מדינה גובר געווען דעם יצר פֿון אַגרעסיע און צעשטערונג.

**אַן אַנדערער נאָמען — דער זעלבער ציל**

ס׳איז נאָך ניט פאַראַן קיין איינשטימיקייט ווי אַזוי אָנרופן די דאָזיקע מלחמה. הגם די אַלגעמיינע איינשטעלונג איז צו באַצייכענען זי די **יום־כיפור מלחמה**, האָט מען אויך געלאָזט הערן אַזעלכע נעמען ווי די **מלחמה פון יום־הדין**, אָדער די **מלחמה פון די זין**, ווייל זי איז שוין געפירט געוואָרן דורך די קינדער און אייניקלעך פונעם דור פון פלמ״ח, הגנה און פונעם באַפרייונג־קריג אין 1948. מ׳האָט אויך פּרובירט געבן איר אַ **נומער** אָנשטאָט אַ נאָמען: די **פערטע** (אָדער **פינפטע**) מלחמה זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה — נאָך די מלחמות אין די יאָרן 1948, 1956, 1967 און 70 – 1968 (אויסמאַטערונג־קריג). אָן שום ספק, אַז די אָקטאָבער־טעג 1973 וועלן באַקומען די אַנטשפּרעכיקע באַצייכענונג. נאָר לויטן ציל וועלכן ס׳האָבן זיך אָנגעצייכנט די אַגרעסאָרן — אומצוברענגען די יידישע מדינה — איז זי ניט געווען אַנדערש ווי אַלע ביז איצטיקע מלחמות, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו פירן ישראל פאַר איר עצם עקזיסטענץ.

אפשר וועלן די צוקונפטיקע דורות קענען זאָגן מיט גרויס הנאה, אַז דאָס איז געווען די **לעצטע מלחמה** אין דעם ראַיאָן און אַלס אַזעלכע וועט זי אויך אַריינגיין אין דער געשיכטע. האַלעווייַ! פּאָרלויפיק האַלטן מיר ביים סוף פון נאָך אַ מלחמה, ביים אָנהייב פון אַ פייער־איבערייס, אַרום וועלכן עס שוועבן אַרום מערער פראַגע־צייכנס ווי קלאָרע ענטפערס, מיט אַ־גאָר פאַרנעפּלטער פּערספּעקטיוו פאַר שלום.

צענדליקער יאָרן דויערט דער ישראל־אַראַבישער קאָנפליקט וואָס וואָלט שוין פון לאַנג געקענט געלייזט ווערן, ניט ערגער און ניט אַנדערש ווי דאָס איז געשען ביי אַנדערע פעלקער און לענדער נאָך בלוטיקע מלחמות, מיט וועלכע מיר זענען שוין איבערגעזעטיקט. איצט, מערער ווי תמיד, איז מעגלעך אַ צונויפרייד, אַ הסכם, אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן. אָבער דאָס איז שוין ניט אָפּהענגיק בלויז פון ישראל.

(פאַ״צ י – ם, אָקט׳ 1973)

# נאָך די וואַלן

דעם 31סטן דעצעמבער 1973 האָט דאָס פאָלק אין ישראל געוויילט, צום אַכטן מאָל, איר כנסת. בסך־הכל אַ 10 וואָכן נאָכן פייער־איבערייס, וועלכער איז כמעט טאָג־טעגלעך איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ שטאַרקן פייער אויפן מצרישן, ווי אויפן סירישן פראָנט, זענען איבער 2 מיליאָן וואַל־באַרעכטיקטע אין דער מדינה גערופן געוואָרן צו דערפילן זייער בירגערלעכן חוב און אויסקלייבן די 120 כנסת־דעפּוטאַטן פון 21 באַשטעטיקטע ליסטעס. דער זייגער פון דער ישראלדיקער דעמאָקראַטיע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו אין דער תקופה פון אויסנאַם־צושטאַנד, ווען צענדליקער טויזנטער רעזערוויסטן זענען נאָך מאָביליזירט. אויך די זעלנער און אָפיצירן אין אַלע אָן אויסנאַם איינהייטן זענען געווען פריי צו אַנטשיידן, מיט זייער שטימצעטל, וועגן צוזאַמענשטעל פון דער כנסת און אַזוי אַרום העלפן אויספאָרמירן דעם פּאָליטישן גאַנג און סאָציאַלן פּרצוף פון דער מדינה פאַר די נאָענטסטע 4 יאָר.

**אַנדערש ווי די פריערדיקע וואַל־קאַמפּאַניעס**

דאָס אַדורכפירן אין איין טאָג אַזעלכע צוויי וויכטיקע עלעקטאָראַלע אַקטן, ווי וואַלן צום פּאַרלאַמענט און צו די מוניציפּאַליטעטן אין אַ לאַנד וואָס געפינט זיך אין אויסנאַם־צושטאַנד, ציי אין באַלאַגערונג, איז אַ סימן פון אַ פעסטער מאָראַל און אַנטשלאָסנקייט אָנצוגיין מיט די איינגעשטעלטע דעמאָקראַטישע נאָרמעס. אויך אַזאַ דערשיינונג פון צולאָזן צום וואַל־פּאַרמעסט אַזש 21 ליסטעס, באַווייזט די ברייטהאַרציקייט פונעם ליבעראַלן און טאָלעראַנטן רעזשים וואָס הערשט אין דער יידישער מדינה.

איצט האַלטן מיר שוין נאָךביידע וואַל־קאַמפּאַניעס. געענדיקט מיטן ״לערנען זיך טרעפן״ וויפל מאַנדאַטן יעדע ליסטע וועט אַריינפירן אין כנסת, אָדער ווער וועט זיין בירגערמייסטער אין

ירושלים, תל־אביב און הרצליה. היינט איז שוין באַוווּסט ווער עס באַלאַנגט צו די 120 אויסדערוויילטע דעפּוטאַטן און וועמען האָט דאָס פֿאָלק אַוועקגעזעצט אויף די ראַטמענער־פּאָטעלן אין די מוניציפּאַלע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונגען.

אין תוך גענומען, וועלן זאָגן ציניקער, האָט זיך קיין סך נישט געענדערט. ווידער אַמאָל וואַלן, אַפֿילו דאָס אַכטע מאָל, און אויסער די ניט וועזנטלעכע ענדערונג מיט דער פֿאַרגרעסערטער צאָל מאַנדאַטן פֿאַר דער אָפּאָזיציע און פֿאַרלוסט פֿון 5 מאַנדאַטן פֿאַרן מערך – איז כמעט ווי געבליבן ביים אַלטן. פֿון דעסטוועגן זענען אַלע מסכּים, אַז די כּנסת־און שטאָטראַט־וואַלן אין יאָר 1973 האָבן לגמרי זיך אונטערשיידעט פֿון די ביז איצטיקע וואַל־קאַמפּאַניעס ביזן עפֿענען די וואַל־אורנעס, ווי אויך שפּעטער, נאָכן אויסציילן די שטימען. ס׳איז פּאָרט געווען אַנדערש ווי ביז איצט.

**צווי בלאָקן — צוויי שטאַנדפּונקטן**

ווי דער שטייגער, ווערט יעטוועדע וואַל־קאַמפּאַניע באַצייכנט אַלס גורלדיקע, אַנטשיידנדיקע, היסטאָרישע. און אַרום איינע אָדער מערער צענטראַלע טעמעס ווערט געפֿירט דער צווישנפּאַרטייאישער קאַמף. ביי דער איצטיקער וואַל־אַקציע האָט דער הויפּט־ויכּוח זיך געדרייט אַרום דער יום־כּיפּור מלחמה, מיט אַלע אירע ליכט־ און שאָטן־זייטן; דער פֿייער־איבעררייס; די געשפּרעכן אויפֿן קילאָמעטער 101 און די זשענעווער קאָנפֿערענץ. בקיצור: וואַרשיינלעכער המשך פֿון דער מלחמה און מעגלעכע פּערספּעקטיוו פֿאַר אַ שלום. אין דער קאָנקרעטער סיטואַציע איז עס געווען פֿאַרבונדן מיט יאָ, אָדער ניט איינגיין אויף ד״ר קיסינדזשערס איניציאַטיוו צו פּרוּוון זיך דורכריידן מיט די שכנים פֿאַרן פּרייז פֿון אַ טעריטאָריאַלער פּשרה. אַזוי אַרום איז די דאָמינאַנטע וואַל־לאָזונג פֿונעם מערך, דעם הויפּט־כּוח אין דער רעגירונג, געווען די ליניע פֿון מעסיקייט און דורכקום מיט די אַראַבער, בעת דער ליכּוד האָט גאָר פֿאָרגעוואָרפֿן קאַפּיטולאַנטישקייט און געוואָרנט קעגן די געפֿאַרן פֿון צופֿיל נאָכגיביקייט די שכנים. דערפֿאַר זענען כּמעט ווי פֿאַרשוווּנדן די אַנדערע, ממש ברענענדיקע פּראַגן, וועלכע די פּאַרטייען האָבן אַרויסגערוקט אין זייערע וואַל־פּלאַטפֿאָרמעס ערב דער מלחמה: סאָציאַלע נויט, דירות פֿאַר יונגע פּאָרלעך, עקאָלאָגיע, פֿאַרשווענדערישקייט, באַרייכערונג אדג״ל. וואָס אַן אמת, האָט מען אויך אין די חדשים נאָוועמבער־דעצעמבער דערמאָנט די אַלע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען, נאָר גיכער זענען עס געווען אגבֿ־אורחהדיקע ראַנד־באַמערקונגען, איידער עיקרדיקע וואַל־פּאָסטולאַטן, ווי זיי זענען געקומען צום אויסדרוק ערבֿ דעם 6טן אָקטאָבער 1973.

נאָך אַ ״וואַל־קאָרט״ האָט געהאַט דער ליכּוד – די באַשולדיקונג וועגן ״מחדל״ (לייען: ״מעחדאַל״ – פֿאַרזען, שטרויכלונג, פֿאַרלוסט) צוליבן מיסערפֿאָלג אין די ערשטע 2 – 3 טעג פֿון דער יום־כּיפּור מלחמה. דעריבער איז דאָס וואַל־צעטל געווען אַ גוטע געלעגנהייט צו באַשטראָפֿן די רעגירונג. הגם דער ענין ״מחדל״ ווערט איצט געפּאָרשט דורך אַ ספּעציעל באַשטימטער מלוכהשער קאָמיסיע פֿון פֿינף קאָמפּעטענטע פּערזענלעכקייטן (צוויי ריכטערס פֿון העכסטן געריכט, צוויי געוו. שעפֿן פֿון גענעראַל־שטאַב און דער מדינה־קאָנטראָלער) און אונטערליגט דעם פֿאַרבאָט פֿון עפֿנטלעכער באַהאַנדלונג (סובּ־יודיצע) ביזן פֿאַרענדיקן די אויפֿאָרשונג, האָט אָבער די אָפּאָזיציע זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון דעם ״געשמאַקן ביסן״ און דאָך גערופֿן דעם בירגער זיך אָפּצורעכענען דערפֿאַר מיטן מערך ביי דער וואַל־אורנע. דעריבער איז אָנצונעמען, אַז אויך דער ״מחדל״ האָט אין אַ געוויסער מאָס דעצידירט וועגן וואַל־אויסגאַנג און געגעבן דעם ליכּוד נאָך עטלעכע מאַנדאַטן. ווייזט אָבער אויס, אַז די שטראָף איז ניט געווען אַזאַ האַרבע, נאָר גראָד מיט רחמים, ווייל אפֿילו נאָכן פֿאַרלוסט פֿון 5 מאַנדאַטן, איז דער מערך מיט זיינע 51 דעפּוטאַטן פּלוס די 3 אַראַבער מיט וועלכע ר׳איז פֿאַרבונדן, ווייטער געבליבן דער גרעסטער און דערווייל איינציקער כּוח וואָס איז מסוגל, מיט שותּפֿים פֿאַרשטייט זיך, אויפֿצושטעלן די נייע רעגירונג – צי דורכן באַנייען די פֿריערדיקע קאָאַליציע, צי שאַפֿן אַן אַנדערע קאָנסטעלאַציע. דאַקעגן דער ליכּוד, מיט זיינע 39 מאַנדאַטן, איז עס ניט מסוגל צו טאָן.

אַ גענויער אַנאַליז פונעם וואַל־אויסגאַנג באַווייזט, אַז דער ליכוד האָט געוואָנען פון בערך אַ 3 מאַנדאַטן אויפן חשבון פון מערך און פון נאָך 2, וועלכע ס׳האָבן אָנגעוווירן די 3 רעליגיעזע פּאַרטייען: מפד״ל, אגודת ישראל און פועלי אגודת ישראל. דעם ווייטערדיקן פאַרלוסט פון מערך איז צו פאַרשרייבן אויפן חשבון פון שולמית אלוני (״רשימה פאַר בירגער־רעכט״). די דריי מאַנדאַטן וועלכע די דאָזיקע לגמרי נייע ליסטע האָט באַקומען אין דער אַכטער כנסת, געהערן אַוודאַי אויך צום ״שטראָף־קאָדעקס״, וועלכן דער ווילער האָט אנגעוואָנדן כלפּי דעם מערך.

אויך די צעשפּליטערטע שטימען פאַר די 11 מיניאַטור־ליסטעס וואָס קיין איינע פון זיי האָט ניט אַריינגעפירט קיין איין מאַנדאַט, הגם אַלע צוזאַמען האָבן באַקומען העכער הונדערט טויזנט שטימען, האָט קאַליע געמאַכט אַ 6 – 7 מאַנדאַטן פאַר די גרעסערע וואַל־רשימות.

**צופיל און אומנייטיק**

ערב יעדער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער כנסת באַווייזן זיך נייע קאַנדידאַטן־ליסטעס מיט אַליין־געזאַלבטע מנהיגים וואָס האָבן שוין אפילו געליטן אייניקע מאָל אַ דורכפאַל ביי די וואַלן, דאָך פאַרמעסטן זיי זיך ווידער. נאָך זיי קומען אויף לגמרי נייע ״שטערנס״ וואָס זענען אַזוי זיכער מיט זייער מאַנדאַט, אַז זיי האַלט ניט אָפּ די באַדייטנדיקע געלט־קויציע פון 15,000 ל״י, וועלכע אַ נייער קאַנדידאַט דאַרף אריינטראָגן – און זי ווערט פאַרפאַלן, אויב ער ווערט ניט אויסגעקליבן אין כנסת. נאָר דאָס האָט ניט אָפּגעשראָקן אַזאַ גרויסע צאָל ליסטעס צו פּרוּוון פאַרמעסטן זיך: 10 וואָס זענען שוין געווען ו״עפּרעזענטירט אין דער זיבעטער כנסת און 11 – נייע. פאַר אַזאַ קליין לאַנד ווי ישראל, זענען איבער צוויי צענדליק רשימות ניט נאָר צופיל, נאָר אויך – אומנייטיק. אַ וואָסערע עס זאָלן ניט זיין די מאָטיוון פון יעדער ליסטע, צי באַזונדערן קאַנדידאַט, איז בשום אופן ניט צו באַרעכטיקן דאָס דערשיינען פון אַזש צוויי ״פּאַנטערן״־ליסטעס (שוואַרצע און בלוי־ווייסע). דאָס זעלבע – ביי די תימנער יידן. איצט ד״ר אבנר שאַקי, געוו. וויצע בילדונג־מיניסטער און כנסת־דעפּוטאַט פון מפד״ל (נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי), וואָס איז מיט איר ברוגז געוואָרן אַרום דער מחלוקת ״ווער איז אַ ייד?״ און אַרויסגעשטעלט אַן אייגענע ליסטע. און ווי קאָן עס פּאַרפּעלן אין דעם וואַל־פאַרמעסט דער מנהיג פון דער ״ליגע״, הרב מאיר כהנא; צי ד״ר נסים פון רמת־גן (איראַקער ייד); אורי אבנרי; שולמית אלוני: אָדער אַזש דריי קאָמוניסטישע ליסטעס (מוקד, רק״ח און ״מצפּן״)?

די ווילער־מאַסע אין ישראל איז אָבער ניט קיין עולם־גולם. אויסער שולמית אלוני, האָט מען אָפּגעוואָרפן אַלע אַנדערע ״סאָליסטן״, געהייסן זיי זיצן אין דער היים – און ניט אין כנסת. אָנשטאָט פּערזאָנען, ווילט זיך בעסער האָבן צו טאָן מיט פּאַרטייען. והראיה: אזא דעפּוטאַט פון צוויי קאַדענציעס, ווי אורי אבנרי, וואָס האָט זיך איינגעשאַפן גענוג פּאָפּולאַריטעט מיטן ניט דורכלאָזן קיין איין כנסת־זיצונג, מיט אָפטע אינטערפּעלאַציעס אויף פּיקאַנטע טעמעס און מיטן רעדאַגירן אַ פּאָליטיש־פּאָרנאָגראַפישע וואָכנשריפט (״העולם הזה״) – איז דאָסמאָל דורכגעפאַלן. באַזונדערס קאָמיש איז דער דורכפאַל פון הרב כהנא. אַ צוויי וואָכן פאַר די וואַלן, האָט ער מיט דער הילף פון גרויסע און גוט באַצאָלטע אַנאָנסן געמאָלדן, אַז אַ ״גאַלופּ״־פּאָרשונג באַווייזט, אַז עס וועלן אים ניט פעלן קיין סך שטימען צו אַ... דריטן מאַנדאַט, דעריבער בעט ער אַריינלייגן אין דער אורנע נאָך עטלעכע שטימצעטלען מיט די אותיות ״כך״, ווייל מיט די ערשטע צוויי מאַנדאַטן איז ער אינגאַנצן זיכער. נו, דערווייל איז ער אַליין, דער קאַנדידאַט נומער 1, בכבודו ובעצמו – אַרויסגעפאַלן פון דער דעפּוטאַטן־ליסטע פון דער אַכטער כנסת. בסך־הכל צו אַ טויזנט שטימען האָט באַקומען די ליסטע פון געוו. דעפּוטאַט אשר חסין (פון די מזרח עדות) און די טראָצקיסטיש־אַנאַרכיסטיש־לינקיסטישע און אַנטי־ציוניסטישע ליסטע ״מצפּן״ (״קאָמפּאַס״). אויך אַזאַ באַשעפעניש האָט זיך באַוויזן אויף דער פּאָליטישער מאַפּע פון ישראל...

דער רוב מנין ובנין פון דער ווײלער־מאַסע האָט ניט געהאַט קײן איבעריקן צוטרוי צו די מיניאַטור־ליסטעס, סײ אויס אידעישע מאָטיוון און אַוודאַי אויך צוליב דער קעגנערשאַפט צו אַ פערזאָנען־קולט, ווי אײניקע קאַנדידאַטן האָבן עס געפֿאָדערט פֿאַר זיך. די פֿראַגע איז נאָר, אויב די דורכגעפאַלענע יידן האָבן עפּעס געלערנט פֿונעם וואַל־אויסגאַנג צו דער איצטיקער כנסת און אויך צו די פֿריערדיקע. וועלן זײ וואַגן, אין אַ 4 יאָר אַרום, ווידער זיך שטעלן צום פֿאַרמעסט, הגם זײ איז קלאָר, אַז דעם באַוווסטזיניקן ווײלער אין לאַנד איז נענטער צום האַרצן אַ פּראָגראַם, אַנערקענטע און באַקאַנטע מנהיגים, וועלכע ר׳איז בשום אופן ניט גרייט צו פֿאַרבײטן מיט ״מעטעאָר־ליסטעס״ וואָס באַווײזן זיך אַ קורצע צײט פֿאַר די וואַלן און פֿאַרשווינדן נאָכן אויסצײלן די שטימען?!

אַן אויסנאַם אין דאָסמאָל געווען די רשימה פֿון שולמית אלוני (״באַוועגונג פֿאַר בירגערלעכע רעכט״). זי אַלײן איז ניט קײן פּנים חדשות אין כנסת, ווײל במשך אײן קאַדענציע, אין דער 6טער כנסת, האָט זי רעפּרעזענטירט מפא״י (איצט – העבודה) אין ישראלדיקן פּאַרלאַמענט. נאָר דאָס ניט אַרויפֿשטעלן זי אויף דער קאַנדידאַטן־ליסטע פֿון מערך צו דער אַכטער כנסת, רעגט איר אָן אַרויסצוטרעטן מיט אַן אײגענער רשימה. איר פּאָפּולאַריטעט אַ דאַנק דעם קאַמף מיט דער ביוראָקראַטיע, רעליגיעזן צוואַנג און אַנדערע נעגאַטיווע דערשײנונגען, האָבן איר געגעבן דרײ מאַנדאַטן, וואָס לויט די ביז איצטיקע דערפֿאַרונגען מיט נײַע ליסטעס – איז עס באמת געווען אַ גרויסע איבעראַשונג, אַן אמתע וואַל־סענסאַציע.

## אין אַראַבישן סעקטאָר

אויך די באַזונדערע אַראַבישע ליסטעס וועלכע זענען געווען פֿאַרבונדן מיטן מערך, האָבן אָנגעווױרן אײן מאַנדאַט: 3 אָנשטאָט 4. דאַקעגן האָט רק״ח געוווּנען אײנעם: 4 אָנשטאָט 3. אַ נײַע ליסטע פֿון די מינדערהײטן – בעדווינער – האָט דורכגעפֿירט אײן מאַנדאַט. בעצם האָבן די אַראַבער, וואָס זענען געגאַנגען מיט סעפּעראַטע ליסטעס, ווידער אַרײנגעפֿירט 6 מאַנדאַטן. נאָר בעת אין דער זיבעטער כנסת זענען געווען 5 אַראַבער וואָס האָבן געשטימט מיט דער רעגירונג און אײנער – קעגן, זענען אין דער אַכטער כנסת פֿאַרטראָטן 4 פּראָ־ישראלדיקע דעפּוטאַטן און 2 פֿון רק״ח, וואָס בדרך־כלל וועלן זײ שטימען קעגן.

די ירידה פֿון מערך און אויפֿשטײַג פֿון דער פּראָ־סאָוויעטישער רק״ח אַ דאַנק די אַראַבישע שטימען, איז אויך אַ פּועל־יוצא פֿון דער יום־כּיפּור מלחמה וועלכע האָט געשטאַרקט די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען בײַ דער אַראַבישער מינדערהײט און זײ געטריבן צו אַ פּאַרטײ, וועלכע איז אינגאַנצן אָריענטירט אויף מאָסקווע, וואָס האָט מיט אַזאַ ברײטער האַנט געשטיצט מצרים און סיריע אין זײער אַגרעסיע קעגן ישראל. אין נצרת האָט רק״ח באַקומען 58% שטימען, מיט 15% מערער ווי אין די פֿאָריקע כנסת־וואַלן. נאָר אין אַלגעמײנעם חשבון, האָבן 65% אַראַבישע ווײלערס געשטימט פֿאַר די ציוניסטישע פּאַרטײען (פֿאַרן מערך – 63,000 שטימען; פֿאַר מפד״ל – 12,000; פֿאַרן ליכוד – 7,000). דאַקעגן פֿאַר דער אַנטי־ציוניסטישער רק״ח – נאָר 35%.

נאָך די וואַלן האָבן אין אײניקע ישראל־צײַטונגען און אין דער אַרבעט־פּאַרטײ זיך געהערט שטימען, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר אַ סוף צו מאַכן מיט באַזונדערע אַראַבישע ליסטעס, נאָר קאַנדידאַטן־אַראַבער אַרײַנשטעלן אויף די יידישע ליסטעס, ווי דאָס האָט תמיד געטאָן מפ״ם, און ערשט לעצטנס – אויך די אַרבעט־פּאַרטײ.

## וואָס לערנען די מוניציפּאַלע וואַלן?

נאָך די אמתע, וויטגײענדיקע איבעראַשונג בײַ די איצטיקע וואַלן איז געווען די אָפּשטימונג צו די שטאָטישע זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען. אויב צו די כנסת האָט מען אויסגעמיטן צו שטימען פֿאַר פּערזאָנען, אַזוי איז מען בײַ די מוניציפּאַליטעטן געווען דווקא געניגט צו אידענטיפֿיצירן זיך מיט אַ פּערזענלעכקײט, מיט אַ פּאָפּולערן בירגערמײסטער פֿון שטאָט, באַקאַנט דער לאָקאַלער באַפֿעלקערונג מיט זײַן איבערגעגעבנקײט און זאָרג פֿאַרן אָרטיקן ישוב. אפֿילו ווען אַזאַ פּערזאָן האָט קאַנדידירט בראש פֿון אַ פּאַרטײאישער ליסטע, איז די דיפֿערענץ שטימען צווישן דעם

שטאָטישן קאַנדידאַט און צווישן זיין פּאַרטיי־רשימה צו דער כנסת – געווען אַ זייער אָנזעעוודיקע.

אַ פאַרגלייך פון די מוניציפּאַלע וואַל־רעזולטאַטן אין עטלעכע ערטער – באַווייזט אָט־וואָס: אין ירושלים האָט די רשימה "אמת" (מערך) באַקומען צו דער כנסת אַ 27 טויזנט שטימען. צום שטאָטראַט – איבער 50,000 שטימען, נאָר אַ דאַנק דער פּאָפּולאַריטעט פון טעדי קאָלעק. דאַקעגן אין רמת־גן, האָט דער מערך באַקומען צו דער כנסת בערך 24,500 שטימען, און צום שטאָטראַט – אַ 15 טויזנט. אין חיפה איז מיניסטער י. אלמוגי געשטאַנען בראש פון דער מערך־ליסטע צום שטאָטראַט און "אָנגעצויגן" העכער 72,000 שטימען, בעת צו דער כנסת איז די צאָל שטימען פאַר מערך געווען קלענער מיט אַ 20,000. אין רמת־השרון האָט די אומפּאַרטייאישע ליסטע פון פסח בעלקין באַקומען גאַנצע 8 מאַנדאַטן פון 11 און אין אשדוד איז דער וואַל־אויסגאַנג פאַרן ליכוד געווען: צו דער כנסת – קנאַפּע 6 טויזנט שטימען, צום שטאָטראַט – העכער 10 טויזנט דאַקעגן פאַרן מערך – העכער 7 טויזנט צו דער כנסת און אַ העלפט דערפון – צום שטאָטראַט.

אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג איז צו פאַרצייכענען אין קרית־שמונה. אַזוי ווי די ריין פּערזענלעכע ליסטע פון אברהם אלוני האָט צום שטאָטראַט באַקומען 54% פון אַלע גילטיקע שטימען, האָט דערפאַר אַזוי אויסגעזען דער וואַל־אויסגאַנג פאַר ביידע גרויסע פּאַרטייען אין יענעם אָרט: אמת (מערך) – כנסת: 2,463 שטימען, עיריה (שטאָטראַט): 1,299. ליכוד: כנסת – 1,449 שטימען, עיריה – 442 שטימען.

אַן ענלעך בילד האָבן מיר געהאַט אין ראשון־לציון. חנניה גיבשטיין, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם ליכוד און געגאַנגען מיט אַן אייגענער רשימה, האָט דערגרייכט 11 מאַנדאַטן פון 15, און אין רחובות האָט שמואל רעכטמאַן פון ליכוד "אָנגעצויגן" 10 מאַנדאַטן פון 15. אין הרצליה האָט דער קאַנדידאַט פון מערך, יוסף נבו, דערגרייכט 8 מאַנדאַטן פון 17 און די לאָקאַלע רשימה פון אביגדור וואַרשא אין קרית־אונו – 7 מאַנדאַטן פון 11.

ניט אַנדערש, דער ווילער האָט בפירוש געוואָלט אָפּטיילן די מוניציפּאַלע ענינים מיט וועלכע ס'באַשעפטיקן זיך די שטאָטראַטן, פון די אַלגעמיין־מלוכהשע פּראָבלעמען וואָס געהערן צו דער כנסת. דערפאַר רעדט מען איצט וועגן צוויילן דאָס אָננעמען אַ געזעץ וועגן פּערזאָנאַלע וואַלן צו די שטאָטראַטן, וואָס איז שוין געהאַט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער זיבעטער כנסת, נאָר דערוויל איז עס אַראָפּגענומען געוואָרן פון טאָג־אָרדענונג.

**באַלערנדיקע ציפערן**

אַכטע כנסת איז ניט קיין יובל־ציפער, צי אַ קיילעכיקער ציפער, אַז מ'זאָל אונטערציען סך־הכלען. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די לעצטע וואַלן זענען דאָך פאָרגעקומען אין 25סטן יאָר פון מדינת ישראל, איז דעריבער כדאי צו דערמאָנען, אַז צו די ערשטע כנסת־וואַלן אין יאָר 1949 זענען געווען ניט מער ווי 400,000 ווילערס. צו דער זיבעטער כנסת, אין יאָר 1969 – 1,400,000 ווילערס. צו דער אַכטער כנסת, סוף 1973 – העכער 2 מיליאָן 137 טויזנט וואַל־באַרעכטיקטע. אויך אויף דעם אָפּשניט איז געקומען צום אויסדרוק דער ראַשיקער וווקס פון דער ישראל־באַפעלקערונג – און אַזאַ דינאַמישע אַנטוויקלונג האָט ניט קיין סך ביישפּילן אין אַנדערע לענדער.

נאָר וואָס שייך דער צאָל ליסטעס און אָפּגעגעבענע שטימען אויף די עיקרדיקע פּאַרטייען, איז צו פאַרצייכענען אַ פאַרהעלטנישמעסיקע סטאַטישקייט, ניט קיין צו האַסטיקע ענדערונגען. ווי דערמאָנט, זענען צו דער אַכטער כנסת "געלאָפן" 21 רשימות. די זעלבע צאָל האָבן מיר געהאַט אויך צו דער ערשטער כנסת. נאָר דעמאָלט, פּונקט ווי איצט, האָבן די מיניאַטור־ליסטעס באַקומען ניט מער ווי 4.5%. צו דער צווייטער כנסת זענען געווען נאָר 17 ליסטעס. און צו די ווייטערדיקע: 18, 21, 14, 17, 16 וואַל־ליסטעס.

ביי דער געלעגנהייט איז אויך כדאי צו דערמאָנען אייניקע פאַרגלייך־ציפערן וועגן דער אָפּשטימונג (און שטימונג) פונעם ווילער. צו דער ערשטער כנסת האָט דער אַרבעטער־לאַגער

באַקומען 52.13% שטימען; דער בירגערלעכער לאַגער – 16.67% שטימען. רעליגיעזע פּאַרטייען – 12.15%. צו דער פּערטער כנסת: 54.91%; 19.62%; 14.55%. און צו דער איצטיקער, אַכטער כנסת: 42.13%; 30.21%; 12.19%. פון דער ערשטער כנסת ביז איצט איז טאַקע פּאָרגעקומען אַ רוק אויף רעכטס, ווייל דער אַרבעטער־לאַגער האָט אין משך פון די 22 יאָר פאַרלוירן אַ 12% שטימען און דער רעכטער לאַגער האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט אַן 11%. נאָר ווי געזאָגט, איז דער ליכוד נאָך אַלץ ניט בכוח אויפצושטעלן אַ רעגירונג. די דאָזיקע אויפגאַבע איז ווידער אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף גאָלדע מאיר, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער מערך־ליסטע צו דער אַכטער כנסת.

אָן וועזנטלעכע ענדערונגען איז אויך די וואַל־פרעקווענץ צו אַלע אַכט פּאַרלאַמענטן אונדזערע. בלויז ביי דער ערשטער כנסת איז זי דערגאַנגען ביז קנאַפּע 88 פּראָצענט, נאָר שפּעטער – עפּעס מער פון 80%.

אויך דער פּראָצענט שטימען פאַר די קליינע (און דורכגעפאַלענע) ליסטעס איז כמעט דער זעלבער.

נאָר ביי די לעצטע וואַלן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין די קוואַרטאַלן פון מיטלשטאַנד, דאָרט וווּ עס וווינען די איינגעאָרדנטע און גוט סיטואירטע בירגער, איז דער רוב שטימען געגאַנגען פאַרן מערך, בעת אין די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן האָט דעם איבערוואָג געהאַט דער ליכוד.

**די באַגרענעצטע שטראָף און פּראָטעסט**

אָן שום ספק, אַז דער וואַל־דערפאָלג פון ליכוד איז ניט נאָר אַ פּועל־יוצא פון שאַפן אַ וואַל־בלאָק פון פיר פּאַרטייען, נאָר איז אויך געווען אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט און ווילן צו באַשטראָפן דעם הערשנדיקן מערך, מיט דער גלייכצייטיקער טענדענץ ניט צו פאַרוואַנדלען דעם רעכטן לאַגער אין אַן אַלטערנאַטיוון כוח וואָס זאָל שטיין ביים מלוכה־רודער. די פאַרקלענערטע צאָל מאַנדאַטן פאַרן מערך איז בלויז געווען אַ וואָרענונג, אַן אַלאַרם־סיגנאַל. דעם מאַנדאַט צו גיין קיין זשענעווע פון אַלע אָן אויסנאַם פּאַרטייען, אויסער ליכוד, האָט ער יאָ באַקומען, נאָר שפּעטער – ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער אָפּשטימונג פון דער ניי־געוויילטער כנסת, דעם 22סטן יאַנואַר 1974, ווען 76 הענט האָבן זיך געהייבן פאַרן אַקצעפּטירן דעם באַשלוס פון דער רעגירונג וועגן "אָפּטיילן" די ישראלדיקע כוחות פון די מצרישע אין סיני, און בלויז 39 פון ליכוד האָבן געשטימט קעגן. די דאָזיקע אָפּשטימונג, שוין נאָכן פאַרענדיקן דעם וואַל־שטורעם און וואַל־פאַרמעסט, האָט באַוויזן, ווו עס בלאָזט איצט דער ווינט...

אַזאַ שטיצע פון אַלע אָן אויסנאַם ליסטעס, גרויסע ווי קליינע, אויסער ליכוד, פאַר אַ וויכטיקן באַשלוס פון דער רעגירונג, מיינט נאָך ניט, אַז דאָס צונויפשטעלן אַ נייע קאָאַליציע וועט אָנקומען אַזוי לייכט און אַזוי האַרמאָניש ווי די דערמאָנטע אָפּשטימונג אין כנסת. נאָר דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך.

*

די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער אַכטער כנסת איז געווען אַ קורצע, קעמפערישע און קאָמפּאַקטע. דער ווילער האָט אַרויסגעוויזן פּאָליטישע רייפקייט, בפרט נאָך, אַז ס'איז גיכער געווען אַ פּאָלקס־אָפּשטימונג, אַ מין פּלעביסציט וועגן מלחמה און שלום, איידער אַ געוויינלעכער וואַל־קאַמף.

(פּא"צ י־ם, יאַנואַר 74').

## זשענעווע — האָפענונגען און ספיקות

דעם 21סטן דעצעמבער 1973 איז אין אונ"אָ־פּאַלאַץ אין זשענעווע דערעפנט געוואָרן אויף אַ פייערלעכן אופן די שלום־קאָנפערענץ צווישן ישראל און אירע שכנים: מצרים און ירדן, ביי דער דעמאָנסטראַטיווער אָפּוועזנהייט פונעם דריטן שכן – סיריע. דער דאָזיקער צוזאַמענטרעף האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט און געווען באַגלייט מיט אַ סך

האָפענונגען און נישט ווינציקער ספּיקות פון די פעלקער אין דעם ראַיאָן, און פאַר אַלעמען – פונעם פאָלק ישראל. פון דעסטוועגן דאַרפן מיר באַגלייטן דעם איצטיקן ישראל־אַראַבישן דיאַלאָג מיט די בעסטע ברכות פאַר אַ דערפאָלג און דעם אָנהייב זיינעם ווינטשן דעם טראַדיציאָנעל־יידישלעכן ״אין אַ מזלדיקער שעה!״

א

די שווייצאַרישע שטאָט זשענעווע פאַרמאָגט אַלע גוטע אייגנשאַפטן אויפצונעמען ביי זיך אַ שלום־קאָנפערענץ. די־אָ שטאָט איז אַ וויכטיקער קולטור־ און טוריסטיק־צענטער, באַקאַנט אין דער וועלט מיט איר פּראָדוקציע פון זייגערלעך און מאָטאָציקלען און איז אויך דאָס זיצאָרט פון אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און פאָרגעקומענע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן. בלויז אין די לעצטע 20 יאָר האָט זשענעווע געהאַט ביי זיך צו־גאַסט אייניקע וויכטיקע צוזאַמענטרעפן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אָפּשטעלן מלחמות און איינפירן שלום.

איצט קומט פאַר דער ערשטער ישראל־אַראַבישער צוזאַמענטרעף. אָן שום ספק, אַז אויך די דאָזיקע קאָנפערענץ וועט פאַרנעמען איר בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע, ווייל זי קומט דאָך פאַר נאָך אַ בלוטיקן קאָנפליקט וואָס ציט זיך שוין 25 יאָר זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה און אויך פיל יאָרן פאַר דעם. פינף מלחמות און טויזנטער אַקטן פון טעראָר און סאַבאָטאַזש האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין פאַר דער תקופה און אויך די חבלי־לידה ביז דער זשענעווער קאָנפערענץ האָבן נישט געלאָזן צו פיל האָפענונגען... אפשר דערפאַר איז דער גלויבן אין אַ שנעלער און קאָנסטרוקטיווער לייזונג פול מיט באַוואָרעניש, פאַרדאַכט און סקעפּטיציזם, הגם דער עצם אָנהייב פון אַ ישראל־אַראַבישן געשפּרעך, אַפילו אין דער געזעלשאַפט פון אַפּוטרופּסים צי מעקלערס, איז פאָרט אַן ענין וואָס דערמוטיקט. בפרט נאָך, אַז אַנשטאָט דעם ״דריי מאָל ניין״ פון דער כאַרטומער קאָנפערענץ, איז געקומען דער איינמאָל ״יאָ״ פון דער אַלזשירער קאָנפערענץ צו זיצן אין זשענעווע און פאַרהאַנדלען דאָרט מיט ישראל.

ב

וואָלט ישראל איצט געזעסן אויג־אויף־אויג מיט מצרים, צי מיט ירדן – אָן די גרויסמאַכטן, אָן אונ״אָ, צי וועלכן ס׳איז אַנדערן פאַרמיטלער – איז אָנצונעמען, אַז די רעזולטאַטן וואָלטן געווען גאָר אַנדערע, פיל גינסטיקערע. דער ביישפּיל פון אַ דערגרייכטן שלום צווישן אַ ריי אייראָפּעישע מדינות נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָן פרעמדער אַריינמישונג, איז אָבער נישט גילטיק פאַר אונדזערע שכנים. איז דאָך באַלד נאָך דער באַפרייונג־מלחמה אין 1948 געווען אַ געלעגנהייט אין ראָדאָס און אין לאָזאַן צו שליסן אַ סטאַבילן שלום־אָפּמאַך, אַנשטאָט דעם לויזן וואָפנשטילשטאַנד. נאָר מיט 25 יאָר צוריק, פונקט ווי איצט, האָבן צו פיל מדינות און פּאָליטיקערס געוואָלט אָפּקאָכן זייער געקעכטס אינעם מיטל־מזרחדיקן קעסל; אַ סך פאַרזאָרגערס – אומגעבעטענע, ווי אומגעוווּנטשענע – האָבן אויך געוואָלט אַנגאַזשירן זיך אין זשענעווע, צו העלפן פאַרמיידן דירעקטע געשפּרעכן צווישן די צדדים.

נישט נאָר נאָך בלוטיקע קאַמפן האָבן מלחמה־פירנדיקע פעלקער געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. אויך מדינות מיט קעגנזעצלעכע רעזשימען און נישט ווינציק פיינדלעכקייט האָבן געשאַפן אַ געזונטע באַזע פאַר אַ פרידלעכער קאָ־עקזיסטענץ. דער בעסטער ביישפּיל פאַר דעם איז די דערנענטערונג און צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און די פאַר. שטאַטן, די צוויי הויפּט־מחותנים אויף דער זשענעווער קאָנפערענץ, וועמענס אויסערן מיניסטאָרן, הענרי קיסינדזשער און אַנדריי גראָמיקאָ, וועלן דאָרטן געבן דעם טאָן. אויך ד״ר קורט וואַלדהיים, וואָס פאָרמעל גענומען האָט ער באַדאַרפט בלויז דערפילן אַ טעכנישע און רעפּרעזענטאַטיווע פונקציע – שיקן די איינלאַדונגען און דערעפענען די ערשטע זיצונג אין זשענעווע – וועט אַלץ טאָן, צו ראַטעווען דעם אַזוי געפאַלענעם אָנזען פון דער אונ״אָ, וועלכע קאָן נישט אויף איר חשבון פאַרצייכענען כאָטש איין־און־איינציקן אויפטו צו פאַרהיטן ערגעץ־ווו דעם שלום.

היינט שטעלט זיך פאַר וויפל דיפּלאָמאַטישע קונסט און פּאָליטישע חכמה וועט ישראל דאַרפן אַנווענדן, כדי דערפירן צו אַ דערפאָלגרייכן צונויפרייד מיט די שכנים. בפרט נאָך, אַז שפּעטער

וועט וואַרשיינלעך אויך סיריע זיך איבערבעטן און צוטרעטן צו די געשפּרעכן. און אַז זי איז איינע פֿון די האַרטסטע ניס – איז קלאָר פֿאַר אַלעמען. און נאָך אַ פּאַרטנער וועט דאָרט דערוואַרט: די פֿאָרשטייער פֿון פּאַלעסטינער אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן וואַרשיינלעך זיך באַטייליקן אין די ראַמען פֿון דער ירדנער פֿאַרשטייערשאַפֿט. אַזוי אַרום איז נישט מקנא צו זיין אונדזער דעלעגאַציע אין זשענעווע, מיטן אויסערן־מיניסטער אבא אבן בראש, וואָס וועט דאַרפֿן פֿאַרהאַנדלען, מאַנעווירן און מוטיק זיך קעגנשטעלן דער דאָזיקער פּילפּאַרביקער און לגמרי נישט איינהייטלעכער געזעלשאַפֿט.

ג

נישט געקוקט אויף אַלע פֿאַרדאַכטן, באַוואָרענישן און פּאָרויסגעזעענע שוועריקייטן, איז דער אויפֿריכטיקער באַשלוס און ווילן פֿון דער ישׂראל־רעגירונג צו באַטייליקן זיך אין די דאָזיקע פֿאַרהאַנדלונגען. אויף דעם האָט זי אויך באַקומען דעם מאַנדאַט פֿון דער כנסת. מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז די איצטיקע שלום־קאָנפֿערענץ איז אַ רעזולטאַט פֿון דער יום־כּיפּור מלחמה, וועלכע נישט נאָר מצרים און סיריע האָבן זי געפֿירט קעגן ישׂראל, נאָר אויך ביידע גרויסמאַכטן זענען אַריינגעטראָטן אין אַ פֿאַרמעסט וואָס האָט געדראָט מיט אויפֿרייס. נאָר פֿאַר אַלעמען איז קאַיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיט כּוח גייט גאָרנישט צו דערגרייכן ביי ישׂראל, אַפֿילו ווען מען פֿאַלט אָן אומגעריכט און פֿאַרעטעריש מיט אַ שותּף אויפֿן צפֿון און דערביי איז מען אויסגעשטאַט מיטן סאַמע מאָדערנסטן געווער אין אומבאַגרענעצטע קוואַנטומס. ס'איז נישט קיין סוד, אַז דאָס האָט מצרים זיך איינגעבעטן ביי מאָסקווע זי זאָל אויספֿועלן ביי אַמעריקע אַ פֿייער־איבעררייס, ווייל צה״ל האָט אַרומגערינגלט די דריטע אַרמיי און פֿאָרסירט דעם קאַנאַל, אָפּשניידנדיק קאַיר פֿון דער שטאָט סועץ. אַ באַדינג פֿאַרן פֿייער־איבעררייס איז אויך געווען אַ שלום־קאָנפֿערענץ אין דער נאָענטסטער צייט. דערפֿאַר איז איצט דער ״רונדער טיש״ פֿאַר ישׂראל און אירע שכנים – אַ לעבעדיקער פֿאַקט.

דאָס מיינט: אַ רעוואָלוציע אין אַלע ביזאיצטיקע באַגריפֿן אויפֿן נאָענטן מזרח. ווען האָבן מצרים, ירדן צי לבנון געטראַכט צו פֿאַרהאַנדלען מיט ישׂראל? ביז דער זשענעווער קאָנפֿערענץ, האָבן דאָך אונדזערע שכנים באַנוצט זיך נאָר מיט מלחמות, טעראָר, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן באָיקאָט, דרוק און שאַנטאַזש. אפֿילו איצט, ווען זיי זענען געקומען קיין זשענעווע צו געשפּרעכן מיט ישׂראל, איז נאָך פֿון זייער זייט ניט געהערט געוואָרן קיין איין גינסטיק און דערמוטיקנדיק וואָרט וועגן אַ סטאַבילן שלום און רעגולירטע באַציונגען. פֿון דעסטוועגן האָבן מיר זוכה געווען צו דער פֿייערלעכער דערעפֿענונג, צו די געשפּרעכן פֿון מיליטערישע ספּעציאַליסטן וועגן ״אָפּטיילן די כּוחות״ און גאָר בקרוב וועט מען אין זשענעווע – אַזוי גלייבן מיר – אָנהייבן רעדן תּכלית.

ד

ווי אַזוי אָבער זעט אויס דער דאָזיקער ״תּכלית״ אין דער אויפֿפֿאַסונג פֿון די אַראַבער און וואָס איז אויסן ישׂראל, ווען זי ברענגט אַרויס דאָס וואָרט שלום?

די אַראַבישע מנהיגים הערן נישט אויף איבערצוחזרן זייער פֿאָדערונג, אַז קודם כּל דאַרף ישׂראל זיך צוריקציען צו די גרענעצן פֿון 4טן יוני 1967. פֿאַר זיי איז עס אַזוי זעלבפֿאַרשטענדלעך, אַז זיי פּרוּוון איינריידן זייערע פֿעלקער און דער גאַנצער וועלט, אַז בעצם איז דאָס דער איינציקער ציל פֿון דער זשענעווער קאָנפֿערענץ – רעאַליזירן דעם באַשלוס נומ׳ 242 פֿונעם זיכערקייט־ראַט פֿון נאָוועמבער 1967, לויט דער אַראַביש־סאָוויעטישער אינטערפּרעטאַציע: צוריקציִ פֿון **אַלע** פֿאַרנומענע געביטן – אַן אינטערפּרעטאַציע וועלכע איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורך ישׂראל, אַמעריקע און אויך נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורכן מחבר פֿון יענעם באַשלוס, ענגלאַנד.

הגם די באַזע פֿאַר די שלום־געשפּרעכן אין זשענעווע דאַרף טאַקע זיין דער באַשלוס 242, איז אָבער ישׂראל ביי דער מיינונג, אַז איידער מען טרעט צו פֿאַרהאַנדלען וועגן שטחים, גרענעצן און צייכענען מאַפּעס – איז פֿאַר אַלעמען נייטיק צו פֿאָרמולירן דעם וועזן, אינהאַלט און טענדענץ פֿונעם צוקונפֿטיקן ישׂראל־אַראַבישן פֿרידן. וועט דאָס זיין אַ שלום מיט איינגעשטעלטע

דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען, האנדל־אויסטויש, אומגעשטערטע נאַוויגאַציע, אָפּגעשטעלטער מלחמה־צושטאַנד, דעמיליטאַריזירטע סטרעפן, אויס טעראָר, אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע, אַ נישט־אָנגרייף־פּאַקט, קעגנזייטיקע קאָנטאַקטן אויפן געביט פון קולטור, ספּאָרט, טוריסטיק – אָדער דער בלויזער צוריקגאַנג פֿון ישראל, בעת דער צד שכנגד וועט זיך באַגנוגענען מיט אַ פּאַרעוּוער, נישט פּאַרפּליכטנדיקער פּאָרמולע? ווי באַוווּסט, איז יעדער משא־ומתן געבויט אויף גיב און נעם. ביז איצט האָבן מיר געהערט פון אונדזערע שכנים, אַז זיי זענען פּאַרלויפיק גרייט נאָר צו נעמען... מיט אַנדערע ווערטער: זיי ווילן מיט דיפּלאָמאַטישע מיטלען דערגרייכן דאָס וואָס זיי איז נישט געלונגען צו דערגרייכן אויף די שלאַכטפעלדער.

נאָך פרעגן די סקעפּטיקער: לאָמיר אָננעמען אַז מ׳איז דערגאַנגען צו אַ הסכם מיט קאַיר, ראַבאַט־אַמאָן און ביירוט – וואָס וועט אָבער זיין מיט אַזעלכע דם־שונאים פון ישראל, ווי סיריע און יאַסער אַראַפאַט? דאַרפן דאָך אויך זיי זיין פּאַרטנערן צו די זשענעווער געשפּרעכן און פריער צי שפּעטער וועלן זיי זיצן ביים פּאַרהאַנדלונג־טיש. די רעגירונג אין דמשק, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל באַרבאַרישקייט אינעם ענין פון די ישראלדיקע קריגס־געפאַנגענע און אויף אַ ציניש און ברוטאַלן אופן געבראָכן איר צוזאָג ברעזשניעוון און ניקסאָנען אין דער פראַגע, איינגייענדיק אויפן פייער־איבערייס, האָט זי אויך זיך פאַרפּליכטעט אָנטייל צו נעמען אין דער זשענעווער קאָנפערענץ – און מיטן נישט דערשיינען דאָרט, האָט זי נישט נאָר דעמאָנסטרירט איר אומווילן צו שלום, נאָר אויך זיך אויסגעלאַכט פון קיסינזשערן, נישט גערעכנט זיך מיט גראָמיקאָן און אַפילו אָנגעפייפט דעם מצרישן שותף, מיט וועמען מ׳איז צוזאַמען אַרויס אין קריג דעם 6טן אָקטאָבער.

ה

און פון די פּאַלעסטינעזער איז דאָך אָפּגערעדט. זייערע וואָרטזאָגערס זענען דאָך, דער עיקר די רוצחים פון ״שוואַרצן סעפּטעמבער״, די לופט־פּיראַטן פון דזשאָרזש כאַבאַש׳ס כנופיהס, די מעסער־ און באָמבע־העלדן פון יאַסער אַראַפאַט. זיי פּאַרטיידיקן כלומרשט אַזאַ הומאַניטאַרן ענין ווי די פּאַלעסטינער פּליטים און ווענדן אָן אַזעלכע אוממענטשלעכע מיטלען ווי דורך אומברענגען לגמרי אומשולדיקע מענטשן וואָס האָבן נישט קיין שיכות צו דעם קאָנפליקט. די ממש לעגענדאַרע עשירות פון די אַראַבישע נאַפט־מדינות האָט שוין פון לאַנג געקענט באַפרייען די פּליטים פון 1948 פונעם דעגענערירנדיקן לעבן אין די לאַגערן און זיי אויפנעמען און איינאָרדענען נישט ערגער, ווי מדינת ישראל האָט עס געטאָן מיט די הונדערטער טויזנטער יידן וואָס האָבן פּאַרלאָזן די אַראַבישע לענדער. נאָר די לעצטע האָבן אויסגעקליבן צו פּאַרוואַנדלען דאָס פּליטים־פּראָבלעם אין אַ מכשיר פאַר פּאָליטישן שאַנטאַזש און אַנשטאָט זיי געבן אַן אָנשטענדיקן דאַך איבערן קאָפּ, אַ ביסל קולטור, ברויט צו דער זעט און בילדונג – האָט מען זיי בשפע באַזאָרגט מיט געווער און אויפרייס־מאַטעריאַל צו פירן דער ״דזשיהאַד״ (״הייליקן קריג״) קעגן דער יידישער מדינה. נאָר אויף וויפל די צענדליקער טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציעס זענען אייניק אין זייער שנאה צו ישראל, אַזוי זענען זיי צעריסן אין זייערע מיינונגען וועגן מעטאָד און פאַרנעם פונעם קאַמף, און דער עיקר – ווער זאָל זיי רעפּרעזענטירן?

האַלט דאָך חוסיין, אַז נאָר ער איז דער איינציקער, לעגיטימער פאָרשטייער פון די פּאַלעסטינער און אַ בלויז ער האָט אַ רעכט צו ריידן אין זייער נאָמען. נאָך דער שחיטה וועלכע דער ירדנער מלך האָט אין יאָר 1970 אַדורכגעפירט איבער די פּאַלעסטינער טעראָריסטן, זענען די לעצטע נישט גרייט צו געבן חוסיינען אַזאַ מאַנדאַט. ס׳איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין די ראַמען פון דער ירדנער דעלעגאַציע, וועט יאָ דערשיינען אַ פאָרשטייער פון די פּאַלעסטינעזער. אַוודאי וועט דאָס נאָך מער קאָמפּליצירן די געשפּרעכן, בפרט נאָך, אַז ירדן מיט די פּאַלעסטינעזער צווישן זיך זענען זייער ווייט פון אַ הסכם.

אויך ישראל איז ביי דער מיינונג, אַז די פּאַלעסטינעזער קענען געפינען אַ באַפרידיקונג פאַר זייערע מלוכהשע און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס אין די ראַמען פון ירדנער קעניגרייך, בפרט נאָך, אַז ירושלים האָט נישט געמאַכט קיין סוד, אַז געוויסע ראַיאָנען פון יהודה, שומרון און דער עזה־געביט האָבן אַ ברירה אַריינגענומען צו ווערן אין אַזאַ מדינה, וואָס וועט, פאַרשטייט זיך, דאַרפן צושטיין צו דעם שלום־פּאַקט מיט ישראל.

ו

ווי געזאָגט, קומט פאַר די זשענעווער קאָנפערענץ אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון די פּאַר. שטאַטן און דעם ראַטנפאַרבאַנד. וואָס שייך וואַשינגטאָן ווייסן מיר, אַז איר צוגאַנג צו דעם גאַנצן פּראָבלעם איז אַ קאָנסטרוקטיווער און אַ פּיל־ווייניק באַלאַנסירטער. אַמעריקע איז נישט ברוגז מיט קיין שום צד, בעת מאָסקווע האָט נישט אויפגעהערט צו באַקאָטירן און באַשמוצן אונדזער מדינה. פּראָפ׳ קיסינדזשער האָט נישט געקאַרגט קיין מי, צייט, ענערגיע און אַ סך מחשבה, כדי דערפירן די צדדים צום זשענעווער טיש. זיין שווונג און אַקטיוויטעט האָבן ממש געשטעלט אין שאָטן דעם סאָוויעטישן שותף, אַנדריי גראָמיקאָ, וואָס האָט קוים באַוויזן זיך אַרויפצוכאַפּן אויף קיסינדזשערס גאַלאָפּירנדיקן דיפּלאָמאַטישן וואָגן.

מאָסקווע איז אַפילו ערב דער זשענעווער קאָנפערענץ געבליבן טריי איר אַנטי־ישראלדיקער איינשטעלונג. די סאָוויעטישע כוונות כלפּי די צוקונפטיקע גרענעצן פון ישראל האָט די טעג געבערענגט צום אויסדרוק די מאָסקווער וואָכנשריפט „נייע צייטן", מיטן פאַרעפנטלעכן די מאַפּע פון ישראל לויטן חלוקה־פּלאַן פון אונ"אָ אין יאָר 1947, אַז נאָר דאָס זענען די גילטיקע גרענעצן פון דער יידישער מדינה... (היינט שטעלט זיך פאַר, ווי אַזוי דער זעלבער זשורנאַל וואָלט רעאַגירט, ווען אין וועלכן ס׳איז לאַנד זאָל מען אָפּדרוקן די מאַפּע פון פּסס"ר פון 1־טן סעפּטעמבער 1939, אָן די באַלטישע לענדער, אָן בעסאַראַביע, מערב ווייסרוסלאַנד, מערב אוקראַינע און מזרח־פּרייסן – און צוגעבן דעם צושריפט, אַז דאָס זענען די לעגיטימע גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד).

מאָסקווע האָט אַפילו נישט באַנייט אירע דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט ישראל, בעת וואַשינגטאָן האָט יאָ געטאָן אַזאַ זאַך מיט קאַיר. קיסינדזשער האָט באַזוכט מצרים, סיריע, ירדן, לבנון, סאַודיע און קומט געוויס קיין ישראל. גראָמיקאָ דאַרף אָבער מיט אונדז נישט ריידן, פּרעגן, אויסהערן, פּרווון איבערצייגן. ער האָט אַ פאַרטיקע שטעלונג. נאָר כל־זמן דער קרעמל מיינט ערנסט מיט זיין קאָ־עקזיסטענץ מיט די פּאַר. שטאַטן נישט אַזוי אויס אהבת אַמעריקע, ווי אויס שנאה און פּחד פאַר כינע, איז דאָך פאַראַן אַ האָפענונג, אַז אין זשענעווע וועט גראָמיקאָ מוזן עפּעס אַראָפּלאָזן פון טאָן און איינגיין אויף פּשרות מיט קיסינדזשערן. און אפשר אויך – צוריק אָנקניפּן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען. ביי די סאָוויעטן איז אַלץ מעגלעך... נאָך 7 יאָר ברוגז, איז דאָך פאָרגעקומען אין זשענעווע אַ שמועס, אַפילו אונטער פיר אויגן, צווישן אבא אבן און אַנדריי גראָמיקאָ...

ז

אַלס. ערשטער פּונקט אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער זשענעווער קאָנפערענץ, איז באַשטימט געוואָרן דאָס אָפּטיילן די מצרישע און ישראלדיקע כוחות, ווו צה"ל הערשט אויף אַ שטח פון קאַרגע 1.900 קוואַדראַט קילאָמעטער. ווי באַוווסט, איז מען בעת די געשפּרעכן אויפן קילאָמעטער 101 צווישן דעם ישראלדיקן און מצרישן גענעראַלן, יריב און גאַמאַסי, נישט דערגאַנגען צו קיין הסכם אין דער פראַגע. פאַראַן אַ האָפענונג, אַז אין זשענעווע וועט נישט זיין שווער צו געפינען דערפאַר אַ לייזונג. אַ פאַקט, אַז אַ ישראל־גענעראַל און מצרישער גענעראַל זיצן ביים פאַרהאַנדלונג־טיש אין דער שווייצאַרישער שטאָט און פּרווון געפינען אַ לייזונג פאַר דעם פּראָבלעם, וואָס דאַרף ווערן דאָס „שפּרונג־ברעט" צו פאָרסירן די ווייטערדיקע געשפּרעכן.

נאָר ווי גוט וואָלט געווען, ווען עגיפּטן זאָל זיך אָפּטיילן פון יענע אויסערלעכע כוחות וואָס דערשיינען כלומרשט אַלס אירע פריינד, ווי דער ראַטנפאַרבאַנד, די עקסטרעמע אַראַבישע לענדער (ליביע, אַלזשיריע) און אויך נישט צוהערן זיך צו אירע אייגענע מיליטאַריסטישע קרייזן וואָס ווילן נאָך אַלץ געפינען לייזונגען מיט דער הילף פון מלחמות. דאָס באַפרייען זיך פון אַזעלכע דעסטרוקטיווע כוחות, גיט אַן איבערוואָג דער האָפענונג איבער די ספיקות בנוגע די רעזולטאַטן פון די זשענעווער געשפּרעכן, אין וועלכע ישראל באַטייליקט זיך נישט ווי אַ באַזיגטע, אָבער אויך נישט מיט דער פאַריסנקייט פון אַ זיגער. אונדזער אויפריכטיקער ווילן איז צו ־דערגרייכן אַ בכבודיקן שלום און איינשטעלן אין ראַיאָן נייע נאָרמעס פון צווישנפעלקערלעכן צוזאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעט.

זשענעווע גיט דערפאַר דעם שאַנס און האָפענונג!

(י"ש ת"א, 3.1.74)

# מיין טענה צום מדינה־קאָנטראָלער

די טעג איז דערשינען דער יערלעכער "בעסט־סעלער" פון ישראל – דער באַריכט פון מדינה־קאָנטראָלער, ד"ר נעבענצאַל. אויף גאַנצע טויזנט זייטן ווערט דערציילט וועגן דער פינאַנסיעלער אוןווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון אַלע מיניסטעריומס און מלוכהשע אַגענטורן און אונטערנעמונגען. דערביי ווערן אָן שום פּניות אויפגעדעקט אַ סך בלויזן, אומגעזעצלעכקייטן און פאַרקריפּלונגען, וואָס האָבן דערפירט צו פאַרשווענדונג, קאָרופּציע און שוחד. אַזוי אַרום איז דער באַריכט אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַרבן באַשולדיקונג־אַקט קעגן אַמטן און באַאַמטע פון העכערן און נידעריקן ראַנג, וואָס האָבן זיך אויסגעלאַכט פון פאָרשריפטן, מיט גרינגשעצונג זיך באַציגן צו מלוכהשע געלטער און דערמיט גורם געווען צו אומגעהויערע שאָדנס דער ישראלדיקער ווירטשאַפט.

ווי דער שטייגער, איז אַזאַ באַריכט געשריבן אין אַ טרוקענער, אָפיציעלער שפּראַך, נאָר די אָפּנויגן און פאַרלעצונגען לייענען זיך ווי אַ שפּאַנענדיקע שילדערונג. קיין איין מלוכהשער אַמט און מיניסטעריום קומט נישט דאָרט אַרויס ריין. כמעט אַלע האָבן געזינדיקט – ווער מערער, ווער ווייניקער. צו דער הויכער מדריגה פון אַבסאָלוטער אָרנטלעכקייט און געוויסנהאַפטיקייט, איז קיין איין רעגירונג־אינסטיטוציע נאָך נישט דערגאַנגען.

און פון יאָר צו יאָר ווערט ערגער. מיטן דינאַמישן וווּקס פון דער ווירטשאַפט און פון די מלוכהשע אַקטיוויטעטן – וואַקסן פּאַראַלעל אויך די בלויזן. ווערט טאַקע דער באַריכט פונעם קאָנטראָלער אַלץ אויפגעבלאָזענער און איז לעצטנס דערגאַנגען, ווי דערמאָנט צו טויזנט זייטן, מיט אַ גאָר אָנגעזעענעם "בילאַנס" פון עבירות, וועלכע לייענען זיך "זאַכלעך", אָן פאָרוווּרפן, צי כעס מצד דעם קאָנטראָלער, ווייל אַלץ איז דאָך באַזירט אויף אַרויסצוברענגען לויטערע פאַקטן וועגן... מוטנע האַנדלונגען.

עס טוט ממש ווי דאָס האַרץ,טייַלמאָל – אַזש ביזן פאַרביילן אַ פויסט, ווען מען לייענט וועגן דער תמימותדיקייט (?!) פון געוויסע באַאַמטע, ווי אויך וועגן ממשותדיקער פאַרברעכערישקייט. אַזוי אין זיכערקייט־מיניסטעריום, אַזוי אין מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע – און אין אַלע אַנדערע.

ד"ר נעבענצאַל האָט נישט די פולמאַכטן פון יוסטיץ־מיניסטער, צי פון פּאָליציי־מיניסטער צו אַרעסטירן אָדער משפּטן די אַלע, אויף וועמענס חטאים ער ווייזט אָן. זיין באַריכט איז צונויפגעשטעלט פון בלויזע פאַקטן, האַנדלונגען, טעטיקייטן – אָן קאָמענטאַרן, אָן מסקנות.

דאָך ווילט זיך פרעגן: אפשר פאָרט צוגעבן כאָטש איין מסקנה, איין קאָמענטאַר, צום דערמאָנטן באַריכט, אָדער אַן אָנצוגעהערעניש בנוגע מאָראַלישע און אידעישע ווערטן, וואָס אויב אַ מלוכהשער באַאַמטער וואָלט זיי באַזיצט בשפע, וואָלט ער אוודאי טויזנט מאָל זיך איבערגעלייגט, צי ער מעג אָפּטאָן פאַרשידענע חזירייען אויפן חשבון פון דער מדינה?

און דאָס איז מיין טענה צום באַריכט פון מדינה־קאָנטראָלער. ער וואָלט אויך באַדאַרפט אָנווייזן אויפן שורש פון דער קאָרופּציע און פאַרדאָרבנקייט. ווייל דאָרט ווו עס הערשט ריינער מאַטעריאַליזם, אַ גייעג נאָך לייכטע פאַרדינסטן און שנעלער באַרייכערונג, דאָרט ווו קאַריעריזם האָט אַרויסגעשטויסן דעם אידעאַליזם – לייגט זיך אויפן שכל, אַז ס'זאָל אָנוואַקסן אַ סך ווילדגראָז, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אינעם באַריכט. נישט אַנדערש,ווי די ביטול־באַציונג צו אידעאַלן, צום חלוצישן גייסט, צו דער וויזיע און טרוים מיט וועלכע עס זענען געקומען אַהער די יידן פון דער צווייטער און דריטער עליה – איז איינע פון די עיקרדיקע סיבות פון דער מאָראַלישער ירידה.

פאָרמעל, איז נישט די אויפגאַבע פון ד"ר נעבענצאַל צו פרעדיקן מוסר אָדער אַלאַמירן, ווייל ער פאַרנעמט זיך מיטן בלויזן אויפדעקן די אַלע פעלערן, אָנעם פרווו אָנצוווייזן אויף די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע און אַנדערע מאָטיוון פון די אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען. דעריבער איז

ביז גאָר רעלעוואַנטיש די פראַגע: ווו נעמט מען היינט אַן אַנדערן "בעסט־סעלער" (ווי, לאָמיר זאָגן, "דאָס געזאַנג פון עמק") וואָס זאָל דערציילן וועגן אויפשטעלן נייע קיבוצים, מושבים, קאָאָפּעראַטיוון; וואָס זאָל שילדערן אויך וועגן געצוימטע אַפּעטיטן צו באַרייכערונג, אַנשטאָט דעם אויפגעבלאָזענעם לוקסוס און דעם ווילן אַריינצוכאַפּן וואָס מערער; אַז אויף טויזנט זייטן זאָלן מיר גאָר לייענען וועגן פריוויליקייט, אידעאַליזם, באַשיידנקייט, ערלעכקייט און אַנדערע גוטע מידות – אַנשטאָט פאַרשווענדונגען, מיסברויכן, און דאָס אַלץ אויפן חשבון פון אַ קליינער מדינה, וועלכע געפינט זיך נאָך אין באַלאַגערונג און דאַרף איר בודזשעט שטיצן אויך אויף דער הילף פון די יידן אין די תפוצות.

די "רייכקייט" פון באַשולדיקונגען אינעם באַריכט פון מדינה־קאָנטראָלער איז נאָר צוליב דעראָרעמקייט אין אידעאַלן. איינס איז געקומען אויפן חשבון פון צווייטן... און אַ שאָד, וואָס ד"ר נעבענצאַל דערמאָנט נישט וועגן דעם מיט קיין איין וואָרט.

(י"ש ת"א, 15.5.74).

## דערמאָנונגען און אַנאַלאָגיעס צום 26סטן יום העצמאות

דעם 25סטן אַפּריל וועט ישראל ווידער פייערן איר נאַציאָנאַלן און מלוכהשן יום־טוב לכבוד דעם יאָרטאָג פון פּראָקלאַמירן די אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה. אַזאַ דאַטע און געשעעניש איז יעדעס יאָר אַ פּאַסיקע געלעגנהייט זיך אומצוקערן מיט דער מחשבה צו דעם היסטאָרישן אַקט אין תל־אביבער מוזעום, פונוואַנען עס האָט דעם 14טן מאַי 1948 זיך פונאַנדערגעטראָגן די בשורה פון יידישער זעלבשטענדיקייט און ס'האָט אויפגעשיינט דאָס ליכט פון אַן אייגענער מדינה, נאָך יאָרן פון אומקום און פינצטערניש אין דער דורך היטלערן אָקופּירטער איירָאָפּע, ווו ס'איז אומגעבראַכט געוואָרן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

### אַ פאַרטונקלטע ליכט...

די־אָ יונגע מדינה, מיט וועמענס קיום די אַראַבישע שכנים האָבן נישט געוואָלט משלים זיין און די גרויסמאַכטן האָבן אויף איר חשבון געוואָלט פירן זייער אָפּאָרטוניסטישע און אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק, איז תמיד געווען אויסגעשטעלט אויף אויסערלעכע געפאַרן און האַרבע אינערלעכע פּראָבלעמען. אַ קליינער ישוב, בסך־הכל פון אַ 650 טויזנט יידן אין יאָר 1948, האָט באַדאַרפט אויפנעמען אַ מאַסן־עליה פון דער שארית הפליטה און אָנהייבן בויען אַ לאַנד לויט מלוכהשע נאָרמעס און קאָנצעפּציעס, זייענדיק אין אַ כסדרדיקן געראַנגל אויף אַ סך פראָנטן – מיליטערישן, עקאָנאָמישן, קולטורעלן, סאָציאַלן. און אַזוי פירנדיק כמעט פערמאַנענטע מלחמות, האָט מען פאַרפעסטיקט דאָס לאַנד, איינגעזאַמלט דאָס פאָלק פון די תפוצות און יעדעס יאָר איז צום יום העצמאות אונטערגעפירט געוואָרן אַ פריידיקער סך־הכל פונעם אָפּגעטועגעם און דערגרייכטן, מיטן אָפּטימיסטישן בליק אין דער צוקונפט. נאָר היי־יאָר איז פאַראַן אַ געפיל, אַז דאָס גרויסע ליכט אונדזערס איז עטוואָס פאַרטונקלט געוואָרן, אַז אויף דער ישראלדיקער זון האָבן זיך באַוויזן אייניקע פלעקן... אמת, ס'איז נאָך זייער ווייט צו אַן אמתער ליקוי חמה, נאָר אין האַרץ פון ישראלדיקן בירגער האָט זיך פאָרט פאַרגנבעט אומצופרידנקייט, אפילו – אַנטוישונגען.

צי זענען דאָס דערשיינונגען, כאַראַקטעריסטישע פאַר דעם לעצטן פעריאָד, פון אָקטאָבער 1973 ביז אַפּריל 1974, אָדער האָבן מיר פאַר זיך געוויסע רעצידיוון פון דער קורצער געשיכטע פון מדינת ישראל, ווו יעדעס יאָר האָט געברענגט מיט זיך אויך האַרבע פּראָבלעמען, זאָרג און אומעט, ביי דער זייט פון אַ סך דערפאָלגן און פאָרשריט. אַן אריינבליק – און געוויסע אַנאַלאָגיעס – מיט די אָפּגעלאָפענע 26 יאָר יידישע זעלבשטענדיקייט באַווייזן, אַז זינט 1948 האָבן אונדז נישט געפעלט קיין פּראָבלעמען און צרות, דאָך איז מען פון זיי אַרויסגעקראָכן. און אַזוי אויך, ווילן מיר האָפן, וועט געשען מיט אַלע ענינים מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך איצט דאָס לאַנד אין רעזולטאַט פון דער יום־כיפור מלחמה און אירע נאָכווייען.

### „נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון"

אויך דאָס 1948 איז געווען אַ יאָר פון מלחמה פון ווינציקע און אומבאַוואָפנטע קעגן אָ סך, מיט אַ רייכער (ווי פאַר יענער תקופה) מיליטערישער אויסשטאַטונג. דער נצחון איז אָבער תמיד געווען אויף דער זייט פון דער יידישער מדינה – אַ דערשיינונג וואָס האָט זיך איבערגעחזרט, ממש מיט היסטאָרישער געזעצמעסיקייט, אין דער סיני־קאַמפּאַניע אין 1956, אין דעם זעקס־טאָגיקן קריג און אין דער אָקטאָבער־מלחמה פון 1973. נאָכן באַפרייונג־קריג, איז אין יאָר 1949 אונטערגעשריבן געוואָרן דער אַקט פון פייער־איבערייס אין ראָדאָס, אַן אָנדייטונג און האָפענונג אויף אַ שלום מיט די שכנים, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט... ווייטערדיקע מלחמות. אָבער נאָכן אונטערשרייבן אין נאָוועמבער 1973 דעם הסכם אויפן קילאָמעטער 101, איז מען פון דעסטוועגן זיך צונויפגעקומען אין זשענעווע און יעדער אָפּטימיסט מעג גלויבן, אַז דאָסמאָל וועט די נאָרמאַליזאַציע זיין אַ עפעקטיווערע ווי מיט 25 יאָר צוריק.

נאָך עפּעס: יענעם יאָר (1949), האָבן עולה געווען קאַרגע 240 טויזנט יידן. און אין יאָר 1950 האָבן מיר ווידער זוכה געווען צו אַ מעכטיקער כוואַליע פון 170,213 עולים פון אייראָפּעישע און אַראַבישע לענדער און צו אַ רעזשים פון „צנע" מיט רעגלאַמענטירטע שפּייז־צוטיילונגען.

•

אין 1951, ווען אַ 130 טויזנט עולים זענען געזעסן אין די בלעך־ און האָלץ־באַראַקן און אין לייוונטענע צעלטן אין די איבערגאַנג־לאַגערן (מעברות), האָבן זיך אָנגעהויבן די אַ. ג. „יידישע מלחמות" – אַרום דער פראַגע פון רעליגיעזער דערציונג פאַר די קינדער פון די מעברות און די דעמיסיע פונעם דעמאָלטדיקן רעליגיעס־מיניסטער הרב י. ל. הכהן מיימון, דער ערשטער אָנזאָג פונעם אָנוואַקסנדיקן קאָנפליקט צווישן די וועלטלעכע און פרומע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

אויך ביים אויפשטעלן די לעצטע רעגירונג האָט זיך געפירט אַ קאַמף אַרום דער פראַגע „ווער איז אַ ייד". ווי האָט געזאָגט דער קלוגער קהלת: „נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון..."

אין יאָר 1952 איז אין לאַנד אָנגעגאַנגען אַ ביטערער ויכוח אַרום דער פראַגע פון אַנטשעדיקונג פון דייטשלאַנד. אַ סך דעמאָנסטראַציעס, פלאַם־פייערדיקע רעדעס, צאָרנדיקע אַרטיקלען אין דער פּרעסע קעגן דעם אָפּמאַך אין לוקסענבורג. און אין 1953 – בן גוריון דעמיסיאָנירט און באַזעצט זיך אין שדה בוקר. די „לבון־פרשה" דערפירט דעם אַרכיטעקט פון דער יידישער מדינה צום פאַרלאָזן דעם פּרעמיער־אַמט. (מיט 21 יאָר שפּעטער טוט דאָס זעלבע גאָלדע מאיר, אויך אין רעזולטאַט פון עטלעכע „פרשה׳ס", וועלכע זענען געבוירן געוואָרן נאָך דער יום־כיפּור מלחמה). אין 1954 האָבן מיר אַן ענין קאַסטנער, וועמען מען וואַרפט פאָר צוזאַמענאַרבעט מיט די נאַציס ביים ליקווידירן דאָס אונגאַרישע יידנטום – און אינעם אורטייל דריקט זיך אויס דער ריכטער פון העכסטן געריכט, אַז „קאַסטנער האָט פאַרקויפט זיין נשמה דעם טייוול".

אין 1955 לאָזן זיך גוט פילן אין לאַנד די טעראָר־אַקציעס און רציחות פון די פעדאַיון־לייט, וואָס ווערן געשיקט פון מצרים און ירדן. ישראל רעאַגירט מיט אַ ריי רעוואַנזש־אַקציעס – און די מלחמה מיטן אַראַבישן טעראָר נעמט אָן פאַרשידענע געשטאַלטן. נאָר אין אַלע ווייטערדיקע יאָרן ווייסן מיר נישט קיין לענגערע אָטעם־פּויזעס מצד דער „ערזאַץ־אַרמיי" פון אונדזערע שכנים, וואָס ווילן דורך טעראָר געווינען דאָס וואָס זיי געלינגט נישט צו דערגרייכן אין מלחמות. אַלנפאַלס, פאַר די אָפּגעלאָפענע 26 יאָר האָבן מיר געהאַט אַ סך פאַלן, ענלעכע צו דעם שוידערלעכן פאַרברעך אין קרית שמונה מיט אַ וואָך צוריק און... שטראָף־אַקציעס פון צה"ל.

### שוין געווען אַ ריקצוג פון פאַרנומענע געביטן

דאָס יאָר 1956 איז גוט איינגעקריצט אין זכרון פון פאָלק צוליב דער סיני־קאַמפּאַניע – אַ מלחמה קעגן מצרים, אין וועלכער ס׳איז אויך געווען אַנגאַזשירט ענגלאַנד און פראַנקרייך, באַזאַמען מיט ישראל. נאָר אייזנהאַוער און בולגאַנין, אין נאָמען פון די פאַר. שטאַטן און דעם ראַטנפאַרבאַנד, זענען קעגן די צוויי אייראָפּעישע מדינות און קעגן אונדז. מאָסקווע און

וואַשינגטאָן פֿאָדערן קאַטעגאָריש זיך צוריקציִען פֿון סועץ און סיני (דאָס זעלבע וואָס די אָפּאָזיציע וואַרפֿט היינט פֿאָר... קיסינדזשערן מיט גראָמיקאָן). און אין יאָר 1957 קומט טאַקע פֿאָר דער ריקצוג. די ישׂראל־אַרמײ פֿאַרלאָזט סיני און דעם ראַיאָן פֿון עזה.

אַ נייער עולה וואָס באַקענט זיך פֿון דער נאָענט מיט דער אַקטועלער ישׂראלדיקער פּראָבלעמאַטיק און שטויסט זיך אָן אויף אַזאַ באַגריף ווי "שוואַרצע פּאַנטערס", איז נוטה צו טראַכטן, אַז דאָס איז אַוודאי אַ שפּאָגל נייער ענין אין דער מ־ינה. אָ, פֿונוואַנען זאָל ער וויסן, אַז נאָך אין יאָר 1959 האָבן מיר געהאַט אַ וואַדי־סאַליב – דעם אָרעמקייט־קוואַרטאַל אין חיפֿה, באַוווינט דער עיקר דורך יידן פֿון צפֿון־אַפֿריקע, וואָס האָבן אין יענעם יאָר, מיט דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטן, דערמאָנט דער מדינה, אַז ס'עקזיסטירט אַן אָנגעוווייטיקט סאָציִאַל פּראָבלעם; וואָס שטאַרקט נאָך מער די מחיצה צווישן די יידן אָפּשטאַמיקע פֿון אייראָפּע און אַמעריקע און די יידן פֿון די אַפֿראָ־אַזיאַטישע לענדער. די־אָ פֿראַגע עקזיסטירט אויך היינט־צוטאָג און פֿאָדערט אַ לייזונג, נישט ווינציקער ווי אין די טעג פֿון וואַדי סאַליב.

**דייטשישע דערמאָנונגען**

ווער פֿון אונדז, דער דור פֿון דעם שרעקלעכן חורבן אין אייראָפּע אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה , איז מסוגל צו פֿאַרגעסן די שמוציקע כוואַליע פֿון אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט אייראָפּע און ביידע אַמעריקעס אין יאָר 1960? אַ היטלעריסטישער רעצידיוו האָט זיך אַ טראָג געגעבן איבער אַ ריי לענדער. האַקנקרייצן זענען געוואָרן אויסגעמאָלן אויף יידישע אינסטיטוציעס און מצבֿות אויף בתּי־עלמינס זענען צעשטערט געוואָרן. נאָר אין דעם זעלבן יאָר ווערט אַדאָלף אייכמאַן, דער היטלעריסטישער סופּער־מערדער, אַנטדעקט און געכאַפּט אין אַרגענטינע און געבראַנגט קיין ישׂראל, ווו ער ווערט שפּעטער געשטעלט פֿאַר אַ געריכט אין ירושלים. דער דאָזיקער אַקט איז אפֿשר געווען דער בולטסטער ענטפֿער היטלערס יורשים, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ יידישע מדינה; אַז ס'איז דאָ אַ כּוח זיך **קעגנצושטעלן**, **רעאַגירן** און אויך **באַשטראָפֿן** די וואָס האָבן זיך פֿאַרמאָסטן אומצוברענגען אונדזער פֿאָלק.

מיט 2 יאָר שפּעטער, אין 1962, האָבן מיר ווידער אַ "דייטשע דערמאָנונג": וויסנשאַפֿטלערס פֿון באָן אַרבעטן אין דינסט פֿון מצרישן מיליטער און גרייטן דאָרט צו כּלי־משחית קעגן ישׂראל. מיר רעאַגירן, אויף אונדזער שטייגער און מעגלעכקייטן, כּדי צוימען די אַפּעטיטן פֿון די נעאָ־נאַציס און זייערע אַראַבישע אַפּוטרופּסים איבערצוחזרן היטלערס עקספּערימענט.

דער טעראָר הערט נישט אויף, אָבער דאָס לאַנד נעמט ווידער אויף עולים, יידן פֿון דער וועלט אינוועסטירן אין ישׂראל, עס ווערט פֿאַרענדיקט די צענטראַלע וואַסער־מאַגיסטראַל וואָס וועט באַזאָרגן די לאַנדווירטשאַפֿט מיט מים־חיים. סיריע פּרוּווט שטערן דעם דאָזיקן אויפֿטו – די ישׂראלדיקע אַרטילעריע און אַוויִאַציע האָבן איינגעשטילט די אַפּעטיטן פֿון דמשׂק צוצורויבן ביי אונדז אַ טייל וואַסער פֿונעם ירדן. אין יאָר 1965 אַנטשטייט די "פֿאַטאַך"־אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער מיר פֿירן אַ מלחמה ביזן היינטיקן טאָג.

**די זעקס־טאָגיקע מלחמה**

אין 1966 – אַ יאָר פֿון מעסיקייט ("מיתון") און געצווימטקייט אין דער ווירטשאַפֿט. אין לאַנד הערשט אַרבעטלאָזיקייט, קוואַליפֿיצירטע פֿאַכלייט נעמען זיך צו לופֿט־פּרנסות און מען זעט פֿאָר אַ שאַרפֿן עקאָנאָמישן קריזיס. די ערשטע חדשים פֿון יאָר 1967 זאָגן אָבער אָן אַן אַנדערן סאָרט קריזיס: נאַצער הערט נישט אויף צו דראָען דער יידישער מדינה, ער קאָנצענטרירט אין מאַי אַ ריזן־אַרמײ אין סיני, בלאָקירט דעם טיראַנער איינגוס און גיט עקספּמיסיע די און"אָ־כּוחות אין עזה־געגנט און ביי שאַרם־אַ־שייך. דעם 5טן יוני ברעכט אויס די זעקס־טאָגיקע מלחמה. מצרים, סיריע און ירדן באַצאָלן אַ טייערן פּרייז פֿאַר זייערע אַגרעסיווע פּלענער, טעראָר, דראָונגען און אומווילן צו לעבן בשלום מיטן יידישן שכן. די וועלט גאַפֿט פֿון דעם נצחון, אויך ישׂראל איז געווען פֿאַרשיכּורט פֿונעם זיג, דאָך האָט מען אויף די פֿאַרנומענע געביטן נישט געפֿירט זיך ווי אַן אָקופּאַנט. די אָפֿענע בריקן קיין ירדן, דער אויסטויש פֿון סחורות און באַפֿעלקערונג האָט באַדאַרפֿט

– אַזוי האָט מען געהאָפּט – עפּענען אַ וועג צו אַ פרידלעכן־צוזאַמענלעבן. נאָר אַנשטאַט דעם איז געקומען די אויסמאַטערונג־מלחמה מצד מצרים און אַ פאַרשאַרפטער טעראָר מצד די "פאַטאַך"־רוצחים אין ירדן. די שכנים זענען נאָך אַלץ געווען ווייט פון אַ צופרידנשטעלנדיקער שלום־רעגולירונג.

נאָר אין יאָר 1969 געשעט אַ נס – עס הייבט זיך אָן די עליה פון רוסלאַנד. ווידעראַמאָל האָט ליכט און שאָטן, ווי תמיד, באַגלייט אונדזער אויפבוי־ווערק. און אין 1970 נעמט אַ סוף צו דער אויסמאַטערונג־מלחמה. דער ראָדזשערס־פּלאַן זעט פאָר אַ צייטווייליקע רעגולירונג, דאָס עפענען דעם סועץ־קאַנאַל און דער עיקר – אָפּשטעלן דאָס פייער פון ביידע צדדים. די פרינציפּיעלע הסכמה פון ישראל צו די אַמעריקאַנער פאָרשלאַגן, דערפירט צום אויפרייס פון דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט.

אויף וויפל מיר באַשעפטיקן זיך דאָ מיט אַנאַלאָגיעס, שטעלט זיך טאַקע די פראַגע: וויפל ערנסטקייט איז פאַראַן אין דער איצטיקער פאָדערונג פון "ליכוד" און פון אַ טייל פאָרשטייערס פון די רעליגיעזע פאַרטייען, אויפצושטעלן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט, ווען זיי זענען געווען קעגן דעם פייער־איבעררייס מיט מצרים און סיריע; קעגן אָפּטיילן די כוחות און קעגן יעטוועדן געדאַנק פון צוריקציען זיך פון געוויסע שטחים פאַרן פרייז פון אַ הסכם און מעגלעכן שלום־אָפּמאַך. זיי זענען דאָך אויך קעגן גיין קיין זשענעווע – טאָ ווען נאַרט מען עס מיט דער פאָדערונג צו שאַפן אַ ברייטע רעגירונג?

## צו פיל פּראָבלעמען מיט איינמאָל

פון דעם קורצן איבערבליק פון 26 יאָר יידישן קיום אין אייגענעם לאַנד איז צו זען, אַז די געשיכטע חזרט זיך איבער. אמת, די אַקטועלע "נייעסן" איצט, אין אַפּריל 1974, אויף דער שוועל פון 26סטן יום העצמאות, זענען אָן שום ספק דראַסטישער און שאַרפער פון דעם אַלעמען וואָס מיר האָבן געהאַט ביז היינט־צו־טאָג. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז בסך־הכל זיבן חדשים טיילן אונדז אָפּ פון דער יום־כיפור מלחמה, וואָס האָט געשאַפן ביים פאָלק אַ סך קאָמפּלעקסן, אומעט, זאָרג און אַ געוויסע פאַרלוירנקייט. ווייל צו פיל פּראָבלעמען זענען מיט איינמאָל געפאַלן אויף אונדזערע קעפּ: דער מיספּערפאָלג ("מחדל") פון דער יום־כיפור מלחמה; דער טיילווייזער באַריכט פון דער אַגראַנאַט־קאָמיסיע וואָס האָט געפאָרשט דעם "מחדל"; דער נישט־אַנטשיידנדיקער אויסגאַנג פון די וואַלן דעם 31סטן דעצעמבער 1973; די שוועריקייטן ביים צונויפשטעלן די רעגירונג צוליבן שאַנטאַזש פון די רעליגיעזע פאַרטייען ("ווער איז אַ ייד"?) און די אינערלעכע צעריסנקייט אין דער "העבודה"־פאַרטיי, וואָס אַ טייל דעפּוטאַטן אירע האָבן אַפילו געשטימט קעגן באַשלוסן פון דער רעגירונג און אויך נישט געהויבן זייערע הענט ביים פאָרשטעלן דער כנסת די נייע רעגירונג; די דעמיסיע פון גאָלדע מאיר און די מאַנעוורעס פון דער רפ"י־פראַקציע צו פאַרטיידיקן משה דיין פאַר יעדן פרייז און ביי אַלע אומשטענדן; די פאַרשידענע פּראָטעסט־באַוועגונגען פון דעמאָביליזירטע זעלנערס, סטודענטן און סתם בירגער, ביי וועמען ס'האָט זיך עפּעס־וואָס "אָפּגעריסן" נאָך די אָקטאָבער־טעג.

אויף אַזויפיל — דער אינערלעכער פראָנט. פאַראַן אויך אַן אויסערלעכער פראָנט, וועלכער לאָזט זיך גוט הערן און פילן, באַזונדערס אין די לעצטע טעג. די כסדרדיקע, טעגלעכע שיסערייען פון די סיריער און זייערע פרוון צו פאַרלעצן דעם פייער־איבעררייס; די פרווון פון טעראָר אין לאַנד גופא, אויף די פאַרנומענע געביטן און דער שוידערלעכער מאָרד אין קרית שמונה פון 8 קינדער, 5 פרויען און 5 מענער (פון זיי — צוויי פון די זיכערקייט) — האָבן באַדאַרפט, לויטן שכל הישר, באַוועגן צו רעדוצירן, אָדער אינגאַנצן אָפּשטעלן "יידישע מלחמות" צוליב דער מלחמה וועלכע עם פירט אַסאַד פון סיריע, דזשאַבריל פון די "אויסמאַטערונג"־טעראָריסטן און די נערוון־מלחמה מצד ברעזשניעוון. צום באַדויערן, אין מען ביי אונדז מערער באַשעפטיקט מיט אינערלעכע מחלוקתן און רייסערייען, אַנשטאַט זיין דורכגענומען מיטן באַוווסטזיין וועגן די לויערנדיקע געפאַרן פון דרויסן.

**ס'האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין!**

וואָלט געווען אַ יושר, אויף דער שוועל פון 26סטן יום העצמאות, נישט בלויז איבערנעמען זיך מיטן "מחדל" פון דעם יום־כיפור טאָג און די צווי שפּעטערדיקע טעג — נאָר אויך באַגרייפן, פון אַ ריכטיקער פּערספּעקטיוו און דיסטאַנס, דעם זיג פון צה"ל וואָס איז דערגאַנגען נאָענט צו קאַיר און דמשק און גורם געווען דערצו, אַז די עגיפּטער און סיריער זאָלן זיך זעצן ביים פאַרהאַנדלונג־טיש אין זשענעווע. ווייל ס'האָט אַנדערש נישט געקאָנט און געטאָרט געשען. ווי האָט געזאָגט יצחק שדה, איינער פון די ערשטע גענעראַלן פון די באַוואָפנטע כוחות אין ארץ־ישראל, אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה: "וואַרשע איז געפאַלן — און פּוילן עקזיסטירט"...

אַזאַ איז געווען דער זין און ציל פון אַלע אונדזערע מלחמות — תל־אביב האָט נישט געטאָרט פאַלן. די־אָ אַקסיאָמע דאַרף דערמאָנט ווערן באַזונדערס היינט, אין 31סטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין געטאָ — וואָס פאַלט זיך צונויף מיטן 26סטן יום העצמאות.

נאָך איינע, אַ זייער באַדייטונגספולע דערמאָנונג און אַנאַלאָגיע...

וועלן מיר דאָך

# אַלט־נייע געבאָטן

ווי די געשיכטע חזרט זיך איבער! ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אין יאָר 1974, וועט סיי פון דער כנסת־טריבונע און סיי פונעם פאָרזיצער פון דער סוכנות און פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פּנחס ספּיר – נאָך אַלץ זיך לאָזן הערן דער דראַמאַטישער רוף צו שטאַרקן די עליה און צו באַזעצן און באַפעלקערן דעם גליל. און הגם דאָס אינערלעכע לעבן אין ישראל איז גענוג רייך אין שטורמישע געשעענישן און איבעראַשנדיקע אַנטוויקלונגען, זענען די פּראָזשעקטאָרן פון דער געזעלשאַפטלעכער פאַראינטערעסירונג לעצטנס אָנגעצילט געוואָרן אויף די צווי אַלטע, נאָר ווייזט אויס – תמיד אַקטועלע, געבאָטן פונעם ציוניזם: **עליה און התיישבות.**

**געבאָט נומער איינס**

אין ערשטן האַלבן יאָר פון 1974 איז געקומען אין לאַנד אַ דריטל ווייניקער עולים, ווי אין דער זעלבער תקופה פאַראַיאָרן. און נאָך עפּעס: אויב מיט אַ יאָר צוריק זענען בערך 3% עולים פון ראַטנפאַרבאַנד געבליבן אין ווין, כדי זוכן פאַר זיך אַ צווייט לאַנד צו באַזעצן זיך אויסער ישראל, האָט היי־יאָר "אַ שפּרונג געגעבן" דער דאָזיקער פּראָצענט – ביז 13! אויך אין די מערב־לענדער ווייזן ניט אַרויס די יידן צופיל התלהבות עולה צו זיין און די סאָוויעטישע רעגירונג גייט ווייטער אָן מיט איר פּאָליטיק צו לייגן שטיינער אין וועג פאַר די וואָס ווילן קומען אַהער.

מען שמועסט, אַז אין מאָסקווע איז געווען אַן אינטערוועניץ פון קיסינדזשערן (אויפן דרוק פון סענאַטאָר דזשעקסאָן און אין נאָמען פון "דעטאַנט"), אַז מ'זאָל אין קרעמל עטוואָס פאַרגרעסערן דעם קאָנטינגענט יידן פאַר עליה. עס לייגט זיך אָבער ניט אויפן שכל, אַז מען זאָל בעטן גראָמיקאָן משפּיע צו זיין אויף ניקסאָנען, ער זאָל פירן עליה־פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַמעריקאַנער יידנטום... דאָס פּראָבלעם עליה פון די אַנגלאָ־זאַקסישע, צי לאַטיין־אַמעריקאַנער און אייראָפּעישע מדינות, איז דער עיקר אָפּהענגיק פונעם גוטן ווילן און נאַציאָנאַלן וואָלונטאַריזם פון אחינו בני ישראל אין יענע לענדער. נאָר זיי אַליין קאָנען באַשטימען וועגן יאָ אָדער ניט עולה זיין. צום באַדויערן, איז דער איבערוואָג מער אויף ניין, ווי אויף יאָ. און טאַקע אויף דעם קלאָגט די מדינה. די־אָ דערשיינונג רופט אַרויס זאָרג אין דער ציוניסטישער אָנפירונג און דערמיט דאַרף זיך אויך איבערנעמען יעדער ייד אין ישראל.

עליה איז תמיד געווען דער ערשטער און וויכטיקסטער געבאָט פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג!

וועלן יידן אין די תפוצות אויפכאַפּן דעם דאָזיקן רוף און אַרויסרוף? וועלן זיי פאַרשטיין, אַז די מדינה נייטיקט זיך ניט נאָר אין געלט און סאָלידאַריטעט, נאָר פאָדערט אויך אַזאַ "קרבן" וואָס הייסט – עולה זיין? דער איבערוויגנדיקער טייל פון אונדזער פאָלק (איבער 80%) וואָס זיצט נאָך

נישט אין ציון, וואָלט געמעגט אַן ערנסטן טראַכט געבן ווי אַזוי רעאַליזירן ווי אַמשנעלסטן דעם עליה־געבאָט.

**דער געבאָט נומער צוויי**

עליה, אַלס ערשטער עטאַפּ, האָט תמיד געהאַט זיין נאַטירלעכן פאַרבינדעטן און המשך – התיישבות, די נאַציאָנאַלע אויפגאַבע נומער צוויי, וואָס אין איר זכות איז באַפעלקערט געוואָרן דאָס לאַנד, עס זענען אַנטשטאַנען גרענעץ־ישובים, לויט וועלכע ס׳איז אין נאָוועמבער 1947 געצייכנט געוואָרן די מאַפּע פונעם חלוקה־פּלאַן אין אונ״אָ. אויב אין משך פון אַ 70 יאָר, זינט דער ביל״ו־עליה ביזן פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה, זענען געשאַפן געוואָרן אַ 300 לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען (קיבוצים, מושבים, מושבות), איז פון מאַי 1948 ביז איצט צו פאַרצייכענען אַ צאָל פון 600 ישובים, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פון דן ביז אילת, אויסער די 46 פונקטן אויף די פאַרנומענע געביטן, פון יוני 1967. דער ראַשיקער וווקס פון דער צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען איז פאָרגעקומען פּאַראַלעל מיטן פּראָצעס פון דער שטייגנדיקער עליה – העכער אַנדערטהאַלבן מיליאָן, וואָס זענען געקומען אַהער פון אַלע עקן וועלט זינט ס׳איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל. די התיישבות האָט זיך אַנטוויקלט אַ דאַנק דער עליה און אויך מעגלעך געמאַכט דאָס אויפנעמען נייע כוואַליעס פון עולים.

ס׳איז ניט קיין סוד, אַז די פיינטלעכע אַרומרינגלונג האָט גורם געווען דערצו, אַז דער ישוב האָט כסדר געליטן פון אַראַבישן טעראָר, מיט אַ צוגאָב פון מלחמות, וואָס האָט בעל־כורחו אויפגעצוווּנגען אויף כמעט אַלע זידלונגען צו טראָגן אַ פּאַרטיידיקלעכן און זיכערהייטלעכן כאַראַקטער. יעדער קיבוץ צי מושב אויף דער גרענעץ (און אַ סך ווייטער פון איר), איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקן שוצפונקט, ווייל אונדזער מדינה פאַרמאָגט ניט נאַטירלעכע גרענעץ־שטערונגען, ווי טייכן און בערג.

קרית שמונה, מעלות, שמיר און נהריה זענען לעצטנס געווען אַ ציל פאַר רוצחישע אָנגריפן מצד אַראַבישע טעראָריסטן, וואָס האָט ווידער געצויגן אַלעמענס פאַרינטערעסירונג און אויפמערקזאַמקייט אויף דעם צפונדיקן ראַיאָן פון לאַנד, וואָס רופט זיך גליל. נאָך ביי בן־גוריונס צייטן איז באַקאַנט געווען די לאָזונג "פאַריידישן דעם גליל" – נאָר ליידער, איז עס ניט געשען. בלויז דעם לעצטן יאָר האָבן 12 טויזנט יידן פאַרלאָזט יענעם חלק פון לאַנד. אויף די שטרעבונג פון דער רעגירונג וועגן פונאַנדערשפּרייטן די באַפעלקערונג איבערן **גאַנצן** לאַנד, האָט ניט געגעבן די געוווּנטשענע רעזולטאַטן. בעת אין ראַיאָן פון תל־אביב וווינען 5,400 נפשות אויף איין קוואַדראַט־קילאָמעטער, און אין ראַיאָן פון חיפה – 1,300, דערגייט עס אין צפון בלויז צו... 148 איינוווינערס אויף אַ קוו. קל״מ. כרמיאל, די נייע שטאָט אין גליל, איז פאַר די 10 יאָר עקזיסטענץ דערגאַנגען צו 6,000 איינוווינערס, דאַקעגן ציילן היינט חולון און בת־ים, שכנים פון תל־אביב, צו הונדערט טויזנט נפשות אין יעדער שטאָט.

אָט טאַקע אין אַזאַ צאָל יידן וועלכע עס פאַרמאָגט אַ חולון צי בת־ים – נייטיקט זיך איצט דער גליל. די דאָזיקע געגנט, נאָך ירושלים, פאַרנעמט היינט אַ וויכטיקן אָרט אין די פּלענער און אינוועסטיציעס פון דער רעגירונג. דאָס אַבסאָרבציע־מיניסטעריום האָט באַשלאָסן צו שיקן אין גליל אַ 10% פון דער נייער עליה. צפת דאַרף ווערן דער צענטער פון דעם ראַיאָן און זיך אויסגלייכן מיט חולון לויט דער צאָל איינוווינערס. 2,000 יונגע משפּחות זאָלן זיך באַזעצן אין קרית שמונה, מעלות, חצור און שלומי.

אויך אין גולן ווערט פּלאַנירט אַ נייער שטאָטישער צענטער פאַר די אַרומיקע ישובים. די זידלונגען אויף דער רמה לעכצן נאָך אַרבעט־הענט, נאָך חלוצים פון די זיבעציקער יאָרן – יוגנטלעכע פון לאַנד און פון אויסלאַנד.

**עס פעלן מענטשן — ניט קיין באָדן**

נאָר ווייזט אויס, אַז די התלהבות פאַר התיישבות האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט אינגאַנצן... אַט זענען מיר די טעג געווען עדות פון אַ "ספּאָנטאַנעם" אַקט פון אַרויפגיין אויפן באָדן פון אַ 150

יידן, כדי אויפצושטעלן אַ ישוב אין האַרץ פון שומרון, ניט ווייט פון שכם, אויף אַ שטח וואָס באַלאַנגט צו די א.ג. פּאַרנומענע געביטן און אונטערליגט דער ישראלדיקער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. די נייע איבערזידלערס האָבן זיך געמאַכט פּאַרגעסן, אַז כדי אויפצושטעלן אַ נייעם יידישן ישוב, פּאָדערן זיך ניט היינט קיין פּאַרטיזאַנישע צי אונטערערדישע אַקציעס, ווי דאָס איז געווען אָנגענומען בעת די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט האָט געהערשט אין לאַנד. פּאַראַן היינט אַ יידישע רעגירונג אין מדינת ישראל וועלכע באַשליסט, פּלאַנירט און רעאַליזירט די שאַפונג פון נייע פּונקטן, סיי אין די גרענעצן פון דער א.ג. ״גרינער ליניע״ (ביז יוני 1967) — און אויסער די דאָזיקע גרענעצן. דעריבער איז דאָס אַריינשמוגלען זיך אין סעבאַסטיאַ, די פּאַרלאָזענע טערקישע באַן־סטאַציע, כדי דאָרט אויפשטעלן אַ פּונקט, געווען גיכער אַ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע מצד די אָנהענגערס פון ״ארץ ישראל השלימה״ (״אַ גאַנצע ארץ־ישראל״), ווו עס דאָמינירט דער ״ליכוד״ — איידער אַן אויפריכטיקער באַגער פון חלוצים אויפצושטעלן צעלטן פאַר אַ נייעם ישוב. ס׳איז אויך ניט קיין סוד, אַז די סעבאַסטיאַ־קאָלאָניסטן געהערן אין רוב צו יענע פּאָליטישע ריכטונגען, וועמענס אָנטייל אינעם התיישבות־ווערק אין נגב און אין גליל, איז תמיד געווען אַ מינימאַלער.

כל־זמן מען שטייט ניט אין דער ריי צום פאַרשרייבן זיך אויף התיישבות אין צפון און אין דרום פון לאַנד — און דאָס זענען ראַיאָנען וועלכע מען דאַרף נאָך באַפעלקערן און קאָלאָניזירן — איז דער פּרווו צו שאַפן אַ ישוב ניט ווייט פון שכם, געווען אַ האַרבע פאַרלעצונג פון געזעץ און פון דער ישראלדיקער דעמאָקראַטיע. דעריבער איז געווען ריכטיק דער באַשלוס פון דער רעגירונג, אַז ״אָנהאַלט־פּונקטן (היאחזויות) און זידלונגען (התנחלויות) אויף די פאַרנומענע געביטן, ווערן אויפגעשטעלט בלויז און אויסשליסלעך לויט די באַשלוסן פון דער רעגירונג. די רעגירונג וועט ניט דערלאָזן צו וועלכן ס׳איז פּרווו אַרויפצוגיין אויפן באָדן אָן איר באַשטעטיקונג און באַשלוס. דער פּרעמיער און זיכערקייט־מיניסטער זענען באַפולמעכטיקט אַדורכצופירן די דאָזיקע פּאָליטיק״.

און די צוויי האָבן דערפילט די אויף זיי אַרויפגעלייגטע אויפגאַבע. סעבאַסטיאַ איז געוואָרן עוואַקוירט. ווייל ניט קיין באָדן פאַר חלוצים פעלט היינט אויס דער מדינה — נאָר יידישע יונגעלייט און מיידלעך, אמתע ענטוזיאַסטן און טרוימער, וואָס זוכן אינהאַלט און אַרויסרוף אין דער יידישער מדינה.

די פּלענער (און אַפּעטיטן!) זענען פאַראַן. בדרך־כלל האָבן די ביז־איצטיקע התיישבות־פּראָיעקטן ניט אַנטוישט. אין אונטערשטן סך־הכל מעג דער ציוניזם און די מדינה זיין שטאָלץ מיט איר קאָלאָניזאַציע־אויפטו און מיט דער צאָל עולים. נאָר די אויפגאַבן זענען נאָך ניט פאַרענדיקט. די אַלט־נייער געבאָטן פון ציוניזם נייטיקן זיך אין אַ המשך, זיי וואַרטן אויף אַ גואל...

(פּא״צ י״ם, אוגוסט ’74)

# אַנדערש ווי יעדעס יאָר

דער יום העצמאות איז היי־יאָר געפייערט געוואָרן אַנדערש ווי אַלע יאָר. מען האָט רעזיגנירט פון מיליטערישן פּאַראַד, פייערווערק האָבן ניט באַלויכטן די הימלען און די עפנטלעכע אויפטריטן פון אַרטיסטן און אָרקעסטערס זענען רעדוצירט געוואָרן ביז אַ מינימום. ניט אַנדערש, אַז אינעם 26סטן זעלבשטענדיקייט יום־טוב פון דער מדינה, האָט דאָס פאָלק אין ישראל גוזר געווען אויף זיך ווייניקער פרייד, שטילערע טענער...

צו דער פאָדערונג פון די פאַריתומטע משפחות ניט דורכצופירן דעם באַלדיקן איבערגאַנג פונעם אָנדענק־טאָג נאָך די געפאַלענע — צו אילומינירטע און הילכיקע פייערונגען אין דער ליל־העצמאות, איז אויך צוגעקומען די אַלגעמיינע שטימונג אין לאַנד. די פאַר׳אָבל׳טע עלטערן האָבן ניט געוואָלט, אז גלייך נאָכן פאַרענדיקן דעם טרויער, זאָל זיך אָנהייבן די פעסטיוואַלישע שמחה. די רעגירונג האָט דעריבער געהאַנדלט מיט אַ סך טאַקט און חכמה, אַנטקעגנקומענדיק דעם דאָזיקן פאַרלאַנג.

### פֿאַרגעסענע מאָמענטן

אין אַזאַ אַטמאָספֿער, האָט די פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע ווי פֿאַרגעסן אַרויסצוהייבן און אונטערצושטרייכן די אַלע מאָמענטן פֿון דער ווייטער און נאָענטער יידישער געשיכטע וואָס בינדן זיך מיטן יום העצמאות. אין די יום־טובדיקע צייטונג־אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען איז דער טראָפּ געווען מערער אויף דער אקטואַליע, אָנשטאָט פּריידיקע רעמיניסצענצן, ווי דער שטייגער אין אַזאַ טאָג. מען האָט פֿאַרזען אָדער פֿאַרגעסן, אַז טראָץ אַלעמען, זעט נאָך אַלץ אויס די 26־יאָריקע מדינה שיין, פֿריש און יונג, הגם ניט אַלץ איז צופֿרידנשטעלנדיק. ס׳איז אָנצונעמען, אַז דעם 14טן מאַי 1948, ווען ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה, האָט מען זיך עטוואָס אַנדערש פֿאָרגעשטעלט איר כאַראַקטער, געשטאַלט, אויפֿטוען. אָבער דעמאָלט, ווי היינט, איז ניט געווען וועלכער ס׳איז ספֿק בנוגע די היסטאָרישע וואָרצלען פֿונעם פֿאָלק אין זיין היימלאַנד און דער פֿאַרשטאַרקטער בונד מיט די תפֿוצות; די גרויסע דעמאָגראַפֿישע, סאָציאַלע ענדערונגען אינעם פֿאָלק און אין דער מדינה נאָך דעם חורבן; אַז מיר וועלן זיך מוזן שטיצן אויף אַ פֿאָרגעשריטענער ווירטשאַפֿט און שטאַרקער אַרמיי, כדי צונעמען ביי די אַראַבער דעם אַפּעטיט אונדז אָנצוגרייפֿן, הגם אין אָנהייב האָט זיך ניט געלייגט אויפֿן שכל, אַז אין משך פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט וועט מען דאַרפֿן פֿירן מיט די שכנים אַזש פֿיר מלחמות, אויסער דעם טעראָר, וועלכן זיי ווענדן אָן קעגן אונדז.

דער בונד צווישן יידישן פֿאָלק און דעם יידישן לאַנד האָט זיך ניט אָנגעהויבן ערשט מיט 26 יאָר צוריק. אַ בליק אין אונדזער היסטאָריע באַווייזט, אַז דריי מאָל זענען מיר פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון ארץ־ישראל און נאָך אַ לענגערן זיין אין גלות, האָט מען זיך תמיד צוריקגעקערט. די אימפּעריעס אַשור, בבל און מצרים וואָס האָבן אונדז פֿאַרטריבן, זענען אַראָפּ פֿון דער אַרענע, בעת דאָס יידישע פֿאָלק וואָס האָט קיינמאָל ניט איבערגעריסן די פֿעדים מיטן לאַנד – לעבט און וועט לעבן.

אונדזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג וואָס האָט געשטרעבט אומצוקערן דאָס פֿאָלק אין אייגענעם לאַנד, איז אַלט טויזנטער יאָרן. אפֿשר דערפֿאַר וואָס ס׳האָט געפֿעלט די טעריטאָריאַלע באַזע און מיר האָבן געליטן מערער פֿון אַנדערע פֿעלקער, איז די שטרעבונג צו ציון געווען אַן אומאויפֿהערלעכע, עקשנותדיקע און קאָמפּראָמיסלאָזע. מיר זענען געווען דאָס איינציקע פֿאָלק אין דער וועלט, וואָס איז אָנגעגאַנגען מיט זיין נאַציאָנאַלן קיום אויסער דעם אייגענעם לאַנד. און הגם יידן זענען קיינמאָל ניט געווען מער ווי אַ האַלבער פּראָצענט פֿון דער מענטשהייט, האָבן זיי דאָך אַזוי אַנטשיידנדיק משפּיע געווען אומעטום, געשאַפֿן גרויסע קולטורעלע און גייסטיקע ווערטן אין דער וויסנשאַפֿט, רעליגיע, פֿילאָזאָפֿיע, ליטעראַטור. יידן זענען אויך געווען בונטאַרן און נאָן־קאָנפֿאָרמיסטן.

אין דען אַ ווונדער, אַז בעת פֿאַשיסטן און רעאַקציאָנערן האָבן געזען אינעם ייד דעם ראַדיקאַל צי קאָמוניסט, האָבן פּסעוודאָ־לינקע קרייזן אים באַשולדיקט אַז ער איז דער קאַפּיטאַליסט און עקספּלואַטאַטאָר. היטלער־דייטשלאַנד האָט דעם ייד אידענטיפֿיצירט מיטן באָלשעוויק, בעת היינט וואַרפֿט מאָסקווע פֿאָר די יידן, אַז זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס און מדינת ישראל גייט אויף די וועגן פֿון דריטן רייך. פּונקט אַזוי האָבן די אַנטיסעמיטן אונדז באַשולדיקט אין פּאַציפֿיזם און פֿון דער צווייטער זייט באַריקאַדע האָסטו ניט געהערט קיין אַנדערע טענות, ווי: קאָסמאָפּאָליטן, מלחמה־העצערס, נאַציאָנאַליסטן. מ׳האָט באַדאַרפֿט באַצאָלן מיט זעקס מיליאָן קרבנות, אַז די וועלט זאָל טאָן דעם חסד און אונדז פֿאַרגינען אַ קליינטשיקע מדינה אין אַ צעטיילטער ארץ־ישראל, וואָס ביזן היינטיקן טאָג באַטראַכטן מיר ווי אַ פֿריינדלעכן אַקט די דערקלערונג פֿון וועלכן ס׳איז פּאָליטיקער, אַז מיר האָבן אַ רעכט צו עקזיסטירן... (אינטערעסאַנט, אַז אין באַצוג צו קיין שום מלוכה אין דער וועלט ווערט ניט קוועסטיאָנירט איר עצם קיום, ווי נאָר כלפּי ישראל).

היינט איז צוגעקומען נאָך עפּעס: בעת די העצערס אין פֿאַרשידענע לענדער האָבן תמיד געשריען "יידן קיין פּאַלעסטינע!", קומען די אַראַבער און פֿאָדערן "ציוניסטן – אַרויס פֿון

פּאַלעסטיין!". יאַסער אַראַפֿאַט מאַכט זיך פֿאַרגעסן, אַז אַפֿילו לעבנדיק אין גלות, האָט יעדער ייִד געהאַט דעם באַוווסטזיין, אַז זיין לעגיטים לאַנד איז ארץ־ישראל און נאָכן אויפֿקום פֿון דער מדינה, איז זי דאָס לאַנד ניט נאָר פֿון אירע איינוווינערס, נאָר פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק. מדינת ישראל איז געוואָרן דער מקור פֿון שטאָלץ, פֿון אויסגעגלייכטע רוקנס און אויפֿגעהויבענע קעפּ פֿאַר די ייִדן אין די תּפֿוצות. ניט אומזיסט ווערט ישראל באַצייכנט פֿונעם פֿאָלק – ייִדישע מדינה, ווייל טאַקע אַזאַ איז זי: פֿאַר אַלע ייִדן, דורך העלפֿן לייזן דאָס פּראָבלעם פֿון קיום פֿונעם פֿאָלק, ראַטעווען ייִדן פֿון אַסימילאַציע און דערמעגלעכן זיי צו פֿירן אַ זעלבשטענדיק, נאַציאָנאַל לעבן.

מיט אַ 70 יאָר צוריק האָט אַפֿילו הערצל געוואָלט גלויבן, אַז אויך אוגאַנדאַ קאָן זיין אַ מקום־מקלט פֿאַרן געראודפֿטן ייִד, פּונקט ווי אַ סך פֿון אונדז האָבן געמיינט, אַז דאָרט ווו ער וווינט און האָט ברויט צו דער זעט – דאָרט איז זיין פֿאָטערלאַנד. איז געקומען פֿריער היטלער, איצט אידי אַמין, ברעזשניעוו, גאַמולקאַ און זיי, די געשוווירענע אַנטי־ציוניסטן, האָבן פֿיל ייִדן געוויזן דעם וועג, ווי אַזוי דורך ציוניסטישע דרכים לייזן זייער נאַציאָנאַל פּראָבלעם. נאָר די אויפֿריכטיקסטע זאָרג און אחריות פֿאַר גורל פֿון צעשפּרייטן ייִדישן פֿאָלק האָט אַרויסגעוויזן מדינת ישראל, מיטן אָננעמען דעם "חוק השבות" – דאָס געזעץ וואָס דערמעגלעכט יעדן ייִד זיך אומצוקערן אַהיים, אין אייגענעם לאַנד.

**דער קריזיס — אַ פֿאָריבערגייענדיקער**

נישטאָ וואָס אויסצובאַהאַלטן: פֿון אָקטאָבער 1973 האָט דאָס לאַנד אַדורכגעמאַכט אַ שווערע תּקופֿה. די יום־כּיפּור מלחמה און די גרויסע צאָל קרבנות; די לאַנגדויערנדיקע מאָביליזאַציע פֿון די רעזערוויסטן; דאָס כּסדרדיקע פֿייער אויפֿן סירישן פֿראָנט; דער רעגירונגס־קריזיס; דער וואַל־אויסגאַנג צו דער אַכטער כּנסת; די דעמיסיע פֿון גאָלדע מאיר; די טיילווייזע אויספֿירן פֿון דער אַגראַנאַט־קאָמיסיע און די פֿאַרשידענע פּראָטעסט־באַוועגונגען – האָבן גורם געווען אומצופֿרידנקייט, ברויזונג און מחלוקתן. אַרום אַזעלכע פֿראַגן ווי "ווער איז אַ ייִד", אָדער וועלכער מיניסטער דאַרף אַוועקגיין, האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט די "ייִדישע מלחמות", הגם די סיריער האָבן ניט אויפֿגעהערט צו שיסן...

ביי דעם אַלעמען האָט די מדינה באַדאַרפֿט אויסטראָגן, מיט מער קראַפֿט און פֿאַרנעם, די אַלע לאַסטן וועלכע זי האָט געשלעפּט אויף זיך אַלע יאָרן פֿון איר עקזיסטענץ: מיליטערישע זיכערקייט, ברענגען און איינאָרדענען עולים, ווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג, הייבן דעם לעבנס־ניוואָ פֿון דער באַפֿעלקערונג בכלל, און פֿון די אָרעמע שיכטן – בפֿרט. נאָר אַז מען דאַרף די אַלע פּראָבלעמען לייזן אויפֿן פֿאָן פֿון אַ מאָראַליש־פּאָליטישן קריזיס, קומט אַלץ אַרויס קאָמפּליצירטער, ערנסטער און אויך – איבערטריבענער. דער אמת איז, אַז די שטימונגען און געפֿילן צוליב דעם קריזיס, זענען אין אַ דיספּראָפּאָרץ צו דער פֿאַקטישער לאַגע. פֿאַראַן אַ סך גוזמא. פֿון דעם ענטוזיאַזם פֿון נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ביז דעם מאַזאָכיזם פֿון נאָך דער יום־כּיפּור מלחמה – איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג! ווי האָט עס פֿאָרמולירט אַ גאַסט פֿון ענגלאַנד: די אַראַבער געדענקען נאָר די ערשטע דריי טעג פֿון אָקטאָבער־קריג און זיי הערן ניט אויף צו טרומייטערן וועגן אַ נצחון, בעת אין דער אמתן האָבן זיי געליטן אַ מפּלה, וועלכע איז אַ פֿיל גרעסערע ווי די אין יוני 1967. דאַקעגן די ישׂראלער ווילן ניט פֿאַרגעסן די ערשטע דריי טעג פֿונעם מיספֿאַרפֿאָלג און פֿאַרזען דעם פֿאַקט, אַז צה"ל איז דערגאַנגען נאָענט צו דמשק און קאַיר, וואָס האָט געצוווּנגען סאַדאַטן און אַסאַדן אָנצונעמען די אַמעריקאַנער פֿאָרשלאַגן וועגן פֿאַרהאַנדלען אין זשענעווע.

גראָד די יום־כּיפּור מלחמה האָט באַוויזן דעם כּוח פֿון ישראל און איר אַרמיי. איז דאָך דער גאַנצער איבערגעוויכט געווען אויף דער אַראַבישער זייט: דער אומגעריכטער איבערפֿאַל, דער געוואַלדיקער איבערוואָג אין מענטשן, טאַנקן, האַרמאַטן, עראָפּלאַנען, די מאַסיווע סאָוויעטישע געווער־ליפֿערונג, די הילף פֿון אַלע אָן אויסנאַם אַראַבישע לענדער, דער עפֿעקטיווער נאַפֿט־שאַנטאַזש און דער דיפּלאָמאַטישער ריס מיט ישראל מצד די אַפֿריקאַנדער לענדער. דאָך

האָבן זיי אונדז ניט געשטעלט אויף די קני, מיר האָבן ניט קאַפּיטולירט. ישראל איז נאָך דער אָקטאָבער־מלחמה אַרויס מיליטעריש געשטאַרקט, נאָר עטוואָס אָפּגעשוואַכט מאָראַליש. און דאָס האָט גורם געווען צו שטימונגען און מיינונגען, וועלכע פּאַסן גאָרניט פֿאַר אַזאַ שווער געפּרוווט פֿאָלק ווי דאָס יידישע פֿאָלק.

איצט פֿילן אַלע, אַז דער דאָזיקער קריזיס איז אַ פֿאָריבערגייענדיקער און אַז פֿאַר דער געשאַפֿענער לאַגע איז גיכער גילטיק דאָס ווערטל "אַז דער שד איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים...".

**עס גייט צום בעסערן**

לויט אַלע סימנים, דאַרף מען אין 26סטן יום העצמאות זיין מער אָפּטימיסטישער אָט זיכערער ווי ביז איצט. די זאָרג און ציטער טאָרן ניט איבערוועגן די פֿרייד און בטחון, אַז מיר וועלן גובר זיין דעם רוב שוועריקייטן אויף דעם אינערלעכן, ווי אויפֿן אויסערלעכן פֿראָנט; אַז מיר וועלן זיך סוף־כל־סוף דורכשלאָגן אַ וועג צו שלום; אַז מיר וועלן ווייטער אויפֿנעמען עולים פֿון אַלע לענדער און יידישע יוגנט פֿון די תּפֿוצות וואָס וויל זיך אידענטיפֿיצירן מיט דער מדינה. נאָר צו דעם פֿאָדערט זיך נאַציאָנאַלע דערוואָקסנקייט, קאָנסטרוקטיווע קריטיק פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, און דאָס וויכטיקסטע – לערנען זיך פֿון די באַגאַנגענע פֿעלערן.

די אָפּגעלאָפֿענע יאָרן פֿון מלוכהשער זעלבשטענדיקייט אין אַלט־נייעם היימלאַנד האָבן באַוויזן, אַז אונדזער פֿאָלק פֿאַרמאָגט גענוג אימוניטעט, אויסדויער און כוח איבערצוּווינדן כלערליי שוועריקייטן, אפשר אויך דערפֿאַר, ווייל אונדזער אויסלייטערונג און אויסקריסטאַליזירונג האָט באַדאַרפֿט געקויפֿט ווערן מיט יסורים און ראַנגלענישן. עס צייכענען זיך פֿאָרט סימנים פֿון צוריק שטעלן זיך אויף די פֿיס אויף אַ מער פֿעסטן באָדן, עס מערקן זיך שאַנסן און האָפֿענונגען צו פּאָזיטיווע ענדערונגען.

אין לאַנד פֿירן זיך איצט אינטענסיווע קאָאַליציע־געשפּרעכן|אויפֿצושטעלן אַ נייע רעגירונג אונטער דער פּרעמיערשאַפֿט פֿון יצחק ראַבין, דער פֿאַרדינסטפֿולער גענעראַל און געניטער פּאָליטיקער. אויך דער פּערזענלעכער צוזאַמענשטעל פֿון קאַבינעט וועט באַדייטנדיק געענדערט ווערן. ביי אַלע אָן אויסנאַם פּאַרטייען הערן זיך שטימען (און שטימונגען) צו ענדערן, געזונט מאַכן, איבערשאַצן ווערטן. מ'איז געוואָרן עמפּינדלעכער אויף אַ קריטיש וואָרט, אויפֿמערקזאַמער צו סאָציאַלע פּראָבלעמען און אַלעמען באַהערשט אַ געפֿיל, אַז דאָסמאָל וואָט מען נישט אָפּקומען מיט בלויזע רייד.

אויך ביי די שכנים איז פֿאָרגעקומען אַ געוויסע אויסניכטערונג. אפֿילו די טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציעס האָבן עטוואָס אַראָפּגעלאָזט פֿון טאָן און פֿונעם פּרוכטלאָזן מאַקסימאַליזם, זענען זיי גרייט זיך איינצובעטן מען זאָל זיי מיטבאַטייליקן אין די געשפּרעכן אין זשענעווע. אויך מצרים, ירדן און אפֿילו סיריע זענען איצט געניגט צו פֿאַרהאַנדלונגען און במילא – צו קאָמפּראָמיסן. אַוודאי מאַכט זיך ניט קיינער קיין אילוזיעס אין ישראל, אַז דער משא־ומתן וועגן אָפּטיילן די כוחות, טערמינען, דעמיליטאַריזירטע סטרעפּעס, אונ"אָ־אויפֿזיכט און קאָנטראָל, גאַראַנטיעס – וועט לאַנג דויערן און צוגיין שווערלעך. און צו אַ שלום־אָפּמאַך זענען נאָך פֿאַראַן אַ וועלט מיט שטרויכלונגען. דאָך איז דער אָפּטימיזם היינט שטאַרקער פֿונעם פּעסימיזם. הגם מיר זענען גרייט אויף אַלע עווענטואַליטעטן און די וואַכזאַמקייט ווערט ניט אָפּגעשטעלט אויף קיין איין מינוט, אונטערליגט אָבער ניט קיין שום ספֿק, אַז אין אונדזער ראַיאָן זענען פֿאָרגעקומען ווייטגייענדיקע ענדערונגען וועלכע פֿירן צו אַ גינסטיקער אַנטוויקלונג.

וואָס זאָל מען טאָן, אַז תּמיד האָבן מיר געצאָלט אַ גאָר הויכן פּרייז צו קאָנען דאָ לעבן. ס'איז אָבער פֿאָרט דער לעצטער ברעג. אויך אונדזער אומאָפּהענגיקייט איז געקויפֿט געוואָרן פֿאַר אַ שווערן פּרייז, און ווער ווייסט, אפשר וועלן זיך נאָך פֿאָדערן קרבנות פֿאַרן ווייטערדיקן קיום פֿון דער מדינה. נאָר מיר גלויבן אין כוח פֿון דעם פֿאָלק וואָס זיצט אין ישראל און דעם טייל וואָס אין די תּפֿוצות, אַז מיר וועלן זיין גענוג שטאַרק פֿיזיש, גייסטיק, מאָראַליש און אויך גענוג געאייניקט, כדי

באַשיצן דאָס לאַנד, ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט מיט 26 יאָר צוריק און ווי מיר ליבן עס היינט־צו־טאָג.

מיר גלויבן, אַז אויך דער 27סטער יום העצמאות וועט זיין אַנדערש ווי היי־יאָר, נאָר אָן די איצטיקע שאָטן־זייטן. און ווער ווייסט – אפשר נאָך מיט אַ שלום דערצו...

(פא"צ י־ם, אפריל־מאי 74').

# די צעפיצלטע נשמה פון א ישראלדיקן ספאָרטלער

"ווי צו די אויגן וואָס זעען דאָס און די אויערן וואָס הערן" – זאָגט אַ פאָלקסווערטל. נאָר הגם מיר איז פאַרשפּאָרט געווען אָנצוקוקן דעם בעל־דבר און זיך צוהערן צו זיינע רייד, האָט עס לגמרי ניט פאַרמינערט דעם ווייטיק אין האַרץ, **פונעם בלויזן לייענען** די דערקלערונג פונעם געוועזענעם פוטבאָליסט פון "הפועל" פתח־תקוה, וואָס האָט זיינע צוויי גראָטעסקע פיס פאַרדונגען דעם דייטשישן ספאָרט־פאַריין "באָרוסאַ־מינשענגלאַדבאַך" און איז די טעג געקומען מיט זיין קלוב שפּילן אַ מעטש קעגן... ישראל.

זיין נאָמען איז שמואל ראָזענטאַל, איינער פון די טאלאַנטירטע באַלעם־קאָפּערס וואָס האָט 43 מאָל זיך באַטייליקט אין מונ׳יר פון אונדזער נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַנץ אין פאַרמעסטן מיט אויסלענדישע ספאָרט־קלובן. אַ הונדערט־פּראָצענטיקע סאַברע, געבוירן און אויסגעוואַקסן אין פתח־תקוה, ייִן פון דער פריסטער יונגט געשפּילט אין אָרטיקן "הפועל". נאָר אויך אים, ווי איייניקע זיינע פוטבאָליסטן – קאָלעגן, האָט גענומען שטאַרק לאָקן אויסלאַנד, ווו ס'איז דערלויבט פּראָפעסיאָנאַליזם. און פונקט ווי מען צאָלט דאָרט אַ סך געלט פאַר **גאונישע קעפּ** אין דער וויסנשאַפט און טעכניק, אַזוי קויפט מען, פאַר אַ גוטן פּרייז, **פלינקע פיס.** איייניקע ישראלדיקע פוטבאָליסטן האָבן זיך טאַקע אָנגעדונגען צו שפּילן אין פראַנקרייך און ענגלאַנד, כדי צו פאַרדינען געלט און דערנאָך זיך אומקערן אַהיים (אַזוי פאַרזיכערן זיי!). אָבער שמואל ראָזענטאַל איז שוין נישט געווען איבערקלייבעריש בנוגע דעם לאַנד און מיט אַ גאַנץ לייכט געמיט געמאַכט דעם שפּרונג פון פתח־תקוה ביז מינכען. אַ סברה, אַז דער נאָמען פון דער דאָזיקער שטאָט דערוועקט נישט ביי אים אַסאָציאַציעס מיט היטלערס ביר־קעלערס, פונקט ווי דייטשלאַנד האָט אים נישט אַרויפגעברענגט אויפן זכרון אַזעלכע "באַגריפן" ווי אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע און סאָביבור.

נאָר דאָס אַלץ, ווי מען זאָגט, וואָלט שוין געווען אַ האַלבע צרה, ווייל וואָס ווייסט אַ סאַברע וועגן דער גרויסער טראַגעדיע פון אונדזער (און אויך זיין) פאָלק און **ווער** ס'איז געווען דער רוצח. נאָר קומען פאַרענטפערן און באַרעכטיקן דעם שריט אין אַזאַ צייטונג ווי "מעריב", דערביי נאָך לויבן די דייטשן מיט זייער אָרדענונג, דיסציפּלין, ריינקייט – איז נישט נאָר עטוואָס איבערגעכאַפּט די מאָס, נאָר איז אויך אַ טיפע שענדונג פונעם אָנדענק פון די 6 מיליאָן קדושים, אַ באַליידיקונג פאַר דער שארית הפליטה. אוודאי קאָן מען האָבן אַ טענה צו דעם באַגאַבטן זשורנאַליסט דב גאָלדשטיין, וואָס האָט אינטערוויוירט ראָזענטאַלן, צעלייגט אויף טעלערלעך זיינע תשובות, וועלכע זענען אויך פאַרזען געוואָרן מיט בילדער: איינס – סאָלאָ, אַ צווייטס – מיטן דייטשן פוטבאָל טשעמפּיאָן און אַ דריטס – מיט זיין מאַמען. נאָר דאָס אַלץ געהערט צו דעם א.ג. זשורנאַליסטישן חוב, בפרט, אַז נישט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק טרעפט זיך אַזאַ "סענסאַציע", ווי אַ ישראלדיקער יונגערמאַן קעמפּט ווי א לייב אַריינצוקלאַפּן וואָס מערער גאָלן אינעם טויער פון אונדזער נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַנץ און שלאָגט זיך ווי אַ טיגער, אַז "זיין" דייטשע "באָרוסאַ" זאָל נישט פאַרשפּילן צו די "יודען"...

נאָר לאָמיר געבן דאָס וואָרט ראָזענטאַלן גופא, ווי אַזוי פאַרשטייט ער די ענינים, באַזונדערס נאָך דעם ווי זיין עכט יידישע מאַמע האָט זיך ביי אים געבעטן "שמוליק, שפּיל נישט קעגן ישראל!

שפּיל נישט קעגן דיין לאַנד! טו אַ טובה דער מאַמען"; און זיינע חברים פון פּתח־תקוה האָבן געפּרוּווט אים איבערצייגן, אַז "אַמבעסטן פאַר דיר וועט זיין נישט צו שפּילן קעגן ישראל":

"איך בין אַ פוטבאָליסט מיט אַן אָפּמאַך. כ'טו אַלץ לויט אָנווייזונגען. דאָס איז נאָר פוטבאָל. ס'איז ספּאָרט. אַ פריינדלעכער מעטש... און דאָס איז געווען דער ויכוח מיט מיין מאַמען, ווען כ'האָב אָפּגעוואָרפן איר בקשה ניט שפּילן מיט די דייטשן, קעגן דיין פאָלק'. מיין אַרגומענט איז געווען: דאָס איז ספּאָרט און דאָס איז מיין פּראָפעסיע. איך דערפיל מיין חוב כלפּי דעם קאָנטראַקט".

מילא, טריישאַפט צו אַ געחתמעטן אָפּמאַך געהערט טאַקע צו די מעלות טובות פון אַ מענטש – נאָר אין דעם קאָנקרעטן פאַל גייט עס פאָרט נישט געפאָרט מיט **נאַציאָנאַלער אַנשטענדיקייט,** ווען ראָזענטאַל פאַרכליניעט זיך אַזש פון התפעלות, ווען אַזייגער 1.28 זיצן שוין די שפּילערס פון זיין קלוב אויסגעזעצט ביים טיש צום מיטיק וואָס איז באַשטימט אויף 1.30; זייער אָרדענונג און געפיל פון דיסציפּלין, אַז זיי טוען נישט קיינעמען קיין טובה; ווי אַלע שטייען מיט רעספּעקט פאַרן טרענירער, טיטולירן אים מיט כבוד "הער שעף" און דעם שיך־פּוצער פון דער מאַנשאַפט – "הער שוסטער". און ווען מען גיט אַ פרעג שמואלן "צי די דאָזיקע **דייטשע פּינקטלעכקייט,** די ווונדערלעכע אָרדענונג, דאָס אויספירן באַפעלן, די דיסציפּלין, דאָס טיטולירן יעדערן 'הער' – דערמאָנט דיך נישט אין עפּעס, גיט דיר נישט אַ טיאָכקע אין האַרצן?" – קומט גלייך זיין ענטפער:

"איך בין אַ פוטבאָליסט, איך בין אַ ספּאָרטלער. איך פאַרנעם זיך נישט מיט פּאָליטיק... מיט מיין רייזע קיין דייטשלאַנד האָב איך געהאַט צוויי צילן: מאַטעריעל זיך פאַרפעסטיקן אויפן גאַנצן לעבן און דעראָבערן מאַקסימום קענטעניש אין פוטבאָל".

*

"נישט פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק" איז ביי גרויסע טיילן פון יונגן דור געוואָרן אַ פאַן, אָן אידעאַל, רחמנא לצלן. די דאָזיקע מטבע האָט אָבער צוויי זייטן. ווייל די וואָס לאַכן אויס פּאַרטייען, דערווייטערן זיך פון פּראָגראַמען און גרינגשעצן אידעאָלאָגיעס – זענען אַוועק אויפן וועג פון ציניזם און קאַריעריזם. אַנשטאָט גייסטיקע ווערטן – אַ געיעג נאָך עשירות. אויפן אָרט פון זוכן דעם אמת, זוכט מען דאָס גאָלדענע רענדל. און ווייל עס געפינט זיך נישט בשפע אין דעם קליינעם ישראל, טאָ פאַרוואָס נישט פּרוּוון מזל אין פּאַריז, לאָנדאָן און... מינכען?

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז שמואל ראָזענטאַל האָט זיך נישט אינגאַנצן אָפּגעטרייסלט פון אונדזער מדינה. אדרבה, אין דעם אינטערוויו לאָזט ער אויך פאַלן ווערטער פון אַן אמתדיקן ישראלדיקן פּאַטריאָט, ווי צ"ב:

"איך געהער צו פּתח־תקוה און אין 3 יאָר אַרום קום איך צוריק קיין פּתח־תקווה. איך בין דאָ געבוירן און אויסגעוואַקסן, ליב געהאַט דאָס לאַנד און די מדינה און האָב עס היינט ליב – אפשר מערער ווי ווען ס'איז. איך געהער נאָר דאָ, נאָר צו ישראל".

ווי זאָגט עמך: "אַ יידישע קישקע איז נישט אָפּצושאַצן". און ס'אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די נשמה פון דאָזיקן ישראלדיקן ספּאָרטלער איז צעפּיצלט און צעדריבלט צווישן מדינת ישראל און דער דייטשער בונדעס־רעפּובליק; צווישן "מינשענגלאַדבאַך" און "הפּועל" פּתח־תקווה; צווישן **די געפילן צו** דער מאַמען און **פליכטן** לגבי דעם קאָנטראַקט; צווישן די סענטימענטן פאַר זיינע יוגנט־חברים אין דער יידישער מדינה און באַוווּנדערונג פאַר די נייע קאָלעגן אין מינכען. מיר זענען אָבער נישט באַפרייט פון שטעלן זיך די פראַגע (און אויך באַמיען זיך צו געבן אַן ענטפער אויף איר):

צי פאַר אַזאַ דערשיינונג ווי **שמואל ראָזענטאַל,** טראָגן נישט די אחריות אויך די רעגירונגען אונדזערע, די ישראלדיקע **געזעלשאַפט בכלל און די** הסתדרות בפרט, ווי דער בעל־הבית איבערן "הפּועל" אין לאַנד?

ביים פּרוּוון געבן אַן ענטפער, איז אומבאַדינגט נייטיק נישט באַנוצן זיך מיט פּאַראַלגעמיינערונגען און סתם באַשולדיקונגען. עס בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז די איבערבעטונג מיט דייטשלאַנד מצד איינצלנע יידן, יידישע אָרגאַניזאַציעס און אונדזער רעגירונג, איז

פאַרגעקומען צו פרי און אין אַ צו גרויסן פאַרנעם. אויב עס קאָן זיך נאָך לייגן אויפן שכל דאָס אָנקניפּן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען צווישן ירושלים און באָן, די געשפּרעכן פון די צוויי: אַדענאַוער – בן־גוריון און דאָס זוכן מצד ישראל, אַלס **מדינה**, אַ פּאָליטישן און פינאַנסיעלן אָנשפּאַר ביי איינער פון די שטאַרקע אייראָפּעישע לענדער – האָבן אָבער יידן, ווי **יחידים, נישט באַדאַרפט** זיך איילן צו **באַזעצן זיך** אין דייטשלאַנד; פירן דאָרט **געשעפטן**; זוכן דערנענטערונג פאַר **יעדן פּרייז** און אויף **אַלע שטחים**.

דייטשלאַנד פון ווילי בראַנדט איז טאַקע נישט די זעלבע דייטשלאַנד פון אַדאָלף היטלער. **פאַראַן אָבער אַ היסטאָרישער, נאַציאָנאַלער און מאָראַלישער חשבון** צווישן יידישן פאָלק און **דייטשן פאָלק.** דער־אָ מאָמענט האָט באַדאַרפט איינגעפלאַנצט ווערן אינעם באַוווסטזיין פונעם אונטערוואַקסנדיקן דור, אויף דעם געפיל האָבן באַדאַרפט דערצויגן ווערן די קינדער אין די שולן, ישיבות, די זעלנער אין צה״ל, די אָנהענגער פון **אַלע פּאָליטישע** פּאַרטייען אין ישראל, דאָס פאָלק אין די תפוצות. אויף די ספּאָרטלער אין ישראל וואָלט נישט געשאַדט אַ סך מער צו דערציילן וועגן דער חורבן־תקופה אין דער אָקופּירטער אייראָפּע אין די יאָרן 1939 – 1945 און וואָס איז דער טיפער אונטערשייד צווישן פּתח־תקוה און... מינכען, צווישן אַ יידישער מדינה, וואָס דאַרף איינזאַמלען דאָס יידישע פאָלק און אַ גלות־לאַנד, וואָס א״ז בדרך־כלל איינגעשטעלעט צו באַפרייען זיך פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, באַזונדערס – פון יידן.

די אַנטווערטונג פון אידעאַלן און די אַטמאָספער פון קאַריעריזם און באַרייכערונג האָבן דערמעגלעכט ירידה פון לאַנד צוליב עקאָנאָמישע חשבונות און אויך די מאָראַלישע ירידה פון אַ שמואל ראָזענטאַל צו שפּילן מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן דייטשן ספּאָרט־קלוב קעגן דער נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַנץ פון ישראל.

דאָס אַלץ לייגט אַרויף אַ שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע אויף די אַלע וואָס טראָגן דעם עול פון דערציען אונדזערע קינדער און יוגנט.

(י״ש ת״א)

# אויפן סאָציאַלן פראָנט פון מדינת ישראל

1

ווען יידן אין די תפוצות און אין ישראל האָבן מיט צוויי יאָר צוריק זיך געפרייט מיטן האַלבן יובל פון דער יידישער מדינה, וואָס האָט געמיינט: 25 יאָר אומאויפהערלעכער געראַנגל פאַר זיכערקייט, שלום, עליה־אויפנעם און עקאָנאָמישן וווילזיין, אין באַדינגונגען פון באַלאַגערונג, מלחמות, טעראָר – האָט אַ ספּעציעלע ״קאָמיסיע פאַר יוגנט און קינדער אין נויט״, צונויפגעשטעלט דורכן פּרעמיער פון 128 ספּעציאַליסטן, בראש מיט ד״ר ישראל כץ, דערלאַנגט דעמאָלט דער רעגירונג אירע מסקנות וועגן דער לאַגע פון הונדערטער טויזנטער בירגער אין לאַנד, וואָס געפינען זיך אין קלעם. יענער באַריכט – דאָקומענט פון דער קאָמיסיע, וועמענס באַזונדערע אויפגאַבע איז געווען צו דערלערנען די פּראָבלעמען פון פאַרברעכערישקייט ביי דער יוגנט און אויך פאַרלייגן לייזונגען, האָט מיט ציפערן, פאַקטן, וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז און פּראַקטישע מסקנות, אַנטפּלעקט די האַרבע לאַגע פון די פילקינדער משפחות; פון אַ יוגנט וואָס געפינט זיך אויפן ראַנד פון דער געזעלשאַפט; פון אַלטע לייט, איינזאַמע פרויען און פון אַ 160 טויזנט קינדער וואָס באַלאַנגען צו די נויט־פאַמיליעס. נאָך האָט די קאָמיסיע דערציילט, אַז אַ 20 טויזנט משפחות פעלן די עלעמענטאַרע שטוב־מעבל און אויסשטאַטונג; אַז אין אַ סך אַזעלכע היימען שלאָפן 2 – 3 קינדער אין איין בעט; אַז אַ 20% קינדער פונעם אָרעמקייט־קוואַרטאַל קטמונים אין ירושלים באַזוכן נישט קיין שול און אַז ס'זענען אויך פאַראַן משפּחות פון 14 נפשות, וואָס וווינען אויף אַ שטח 46 קוואַדראַט־מעטער...

אַמיינסטן האָט דערשיטערט דער באַריכט אויף יענעם אָרט, וווּ עס ווערט דערציילט, אַז 1 קינד פון יעדע 5 געפינט זיך אין אַ נויט און 1 קינד אויף יעדע 16 – אין אַ באַזונדערס שאַרפער

נויט. בכלל איז די דאָזיקע באַפעלקערונג, וועלכע מען באַצייכנט "די צווייטע ישראל", הימל־ווייט פון די איינגעשטעלטע אין לאַנד נאָרמעס פון לעבנס־שטייגער, בילדונג, הכנסה, געזונטהייט און וווינונג.

צענדליקער, אויב ניט הונדערטער צייטונג־אַרטיקלען האָבן בשעתו באַהאַנדלט, קאָמענטירט און אַנאַליזירט דעם דאָקומענט פון ד"ר כץ, דער מומחה און אָנערקענטער אויטאָריטעט אין סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דעם אמט פאַר אַלגעמיינער סאָציאַלער פאַרזיכערונג (ביטוח לאומי) און אין משך פון יאָרן אָנגעפירט מיט דער היכשול פאַר סאָציאַלע באַאַמטע ביים ירושלימער אוניווערסיטעט. נאָך זיין באַריכט מיט 2 יאָר צוריק איז געוואָרן קלאָר, אַז אַזאַ ענין ווי סאָציאַלע נויט לאָזט זיך נישט מער באַהאַלטן אונטערן טעפּיך. אַלע האָבן דערפילט, אַז עס פאָדערט זיך אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אינעם עצם צוגאַנג צו דער פראַגע, מיט מער יסודותדיקע מיטלען און ווייטגייענדיקע ענדערונגען.

2

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענען די סאָציאַלע לייסטונגען און באַדינונגען אין ישראל פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג אפילו גרעסער ווי אין אַנדערע לענדער, דאַקעגן איז אונדזער נויט־באַפעלקערונג מערער דיסקרימינירט און באַוואוסט ווי אין אייראָפּע און אַמעריקע. נאָך עפּעס: בעת די הכנסות פון אויסלאַנד און פון לאַנד האָבן געשטראָמט אין אַ הערמעטיש פאַרמאַכטער רער, כמעט אין איין ריכטונג, זענען שוין דאָרט נישט געווען צופיל "לעכער" פון וואַנען עס זאָלן אויפן וועג "אויסרינען" באַדייטנדיקע סומען פאַר די איינוווינערס פון די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן. דערפאַר האָט דער דערמאָנטער באַריכט פאָרגעלייגט "אויסגלייכן די ליניע", שענקען מער אויפמערקזאַמקייט און רעסורסן די „דערנידעריקטע און באַליידיקטע".

דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן פון דער גאָלדע מאיר־רעגירונג און אַ ווייטערדיקן שווונג האָט געגעבן די איצטיקע רעגירונג פון יצחק רבין, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג באַקומען די מסקנות און אָנווייזונגען פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע פאַר ענינים פון סאָציאַלן וווילזיין, אונטערן פאָרזיץ פון ברוך לוי, קאָלאָנעל (אין רעזערוו) און ראַטגעבער פון פּרעמיער.

אין דעם נייעם דאָקומענט, וועלכער טראָגט דעם נאָמען "די סאָציאַלע נויט און די וועגן צו אַ לייזונג", איז פאַראַן אַ קאָנקרעטער, תכליתדיקער און קלאָרער פּראָגראַם, ווי אַזוי און מיט וועלכע מיטלען לינדערן די נויט פון אַ פאַרשטויסענער באַפעלקערונג – אָבער נישט מער דורך לייגן לאַטעס, אָדער אָנווענדן די קאָנווענציאָנעלע מיטלען.

3

לאָמיר דעריבער געבן אַ וואָרט דעם דאָקומענט גופא און זיין מחבר:

א. פאַרקירצן די באַדינונגען און לייסטונגען, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר כלל ישראל און באַשטימען נייע נאָרמעס פאַר דער באַפעלקערונג אין נויט, דורך פאַרקלענערן די מיטלען און רעסורסן פאַר הויכבילדונג, וווינונגען פאַר יונגע פאָרלעך פון די מיטעלע שיכטן, פאַרמינערן די פּריווילעגיעס און הנחות פאַר נייע עולים, אָפּשטעלן בויען שפּיטעלער אין יענע ערטער, ווו די האָספּיטאַליזאַציע איז פאַרהעלטנישמעסיק אַ גוטע.

ב. אַנטוויקלען באַדינונגען און הילף פאַר יענעם טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס געפינט זיך אין קלעם; דעצענטראַליזירן די וווילזיין־דינסט און זיי איבערוויזן די מוניציפּאַליטעטן צום רעאַליזירן; מיטבאַטייליקן די באַפעלקערונג אינעם באַשטימען די באַדערפענישן און דעצידירן וואָס איז בילכער.

ג. אויסמיידן דאָפּלטקייט ביים באַהאַנדלען ווענדונגען, וואָס זענען סיי ענלעך צו זיך, סיי זיי זענען באַשטימט פאַר אידענטישע טיילן פון דער באַפעלקערונג, וואָס ביז איצט האָבן מיט זייערע ענינים זיך באַשעפטיקט עטלעכע מיניסטעריומס און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די אַלע טעטיקייטן דאַרפן ווערן פאַראייניקט אָדער קאָאָרדינירט אין מלוכהשן און אין לאָקאַלן מאַסשטאַב.

ד. די פאַראינטערעסירטע מיניסטעריומס פאַר בילדונג, געזונטהייט און סאָציאַלע הילף, וועלן פּלאַנירן און פירן זייער טעטיקייט לויט די ניי־איינגעשטעלטע פּרינציפּן, אויף אַ קאָאָרדינירטן אופן.

(דער דאָזיקער פּונקט, אפשר נישט פון די סאַמע עיקרדיקסטע, באַווייזט אָבער דעם ביוראָקראַטישן פּלאָנטער, אין וועלכן ס׳איז געווען אריינגעצויגן דער נויטבאדערפטיקער בירגער. שוין לאַנג ווי מ׳האָט געפאָדערט צו פאַראייניקן די מיניסטעריומס פאַר אַרבעט, בילדונג און סאָציאַלע הילף – אין איין מיניסטעריום פאַר סאָציאַלן וווילזיין. פאַראַן אויך א פּסיכאָלאָגישער מאָמענט: צום מיניסטעריום פאַר סאָציאַלער הילף און זיינע אַגענטורן אויף די ערטער – שעמט מען זיך טיילמאָל צו ווענדן. דער וואָס פיגורירט דאָרט ווי א ״סאָציאַלער פאַל״, מיינט אויך, אין געוויסע קרייזן – און טיילמאָל פאַרן בעל־דבר גופא – אַ מענטש אַ ״דורכפאַל״).

4

ס׳איז קלאָר, אַז צו רעאַליזירן די אַלע פּראָיעקטן, דאַרף מען האָבן א סך געלט. ווייזט זיך ארויס, אַז אויפן יאָר 1976/77, וועט די רעגירונג, צום ערשטן מאָל, אַרבעטן מיט צוויי בודזשעטן: דער ערשטער – דער געוויינלעכער, און אַ צווייטער – פאַר דער נויט־באַפעלקערונג. ״22 מיליאַרד ל״י וועלן באַשטימט ווערן פאַר זיכערקייט־צוועקן און 19 מיליאַרד – פאַר סאָציאַלן וווילזיין. דעם גרעסטן טייל רעקאָמענדאַציעס וועלן מיר אָננעמען. אייניקע פאָרשלאָגן וועלן רעאַליזירט ווערן שוין אין נאָענטסטן בודזשעט״ – האָט פאַרזיכערט יצחק רבין.

פאַר די 27 יאָר עקזיסטענץ פון דער מדינה האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז דער אונטערשייד צווישן אויסגאַבן אויף פאַרטיידיקונג און די אויסגאַבן אויף סאָציאַלע צוועקן, זאָל זיין אַזאַ קליינער, בסך־הכל 3 מיליאַרד. די דאָזיקע פאַרהעלטענישמעסיק קליינע דיפערענץ צווישן אַזעלכע צוויי פּאָזיציעס אין בודזשעט, ווייזט אָן אויף אַ גאָר נייעם וועג און אַנדערע טענדענץ, הגם די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז נישט אַזאַ גינסטיקע. אויך מיר זענען דערגאַנגען צו אַ צושטאַנד פון אַ קריכנדיקער דעוואַלואַציע און גאַלאָפּירנדיקער אינפלאַציע. ווי באַוווּסט, זענען ״אינוועסטיציעס״ פאַר סאָציאַלע צוועקן לגמרי נישט ״רענטאַביל״. נאָר אויב ס׳איז נישטאָ וואָס צו האָפן אויף געלט־רווחים, וועט אָבער דער נוצן פאַר דער מדינה, פאַר איר מאָראַל, פאַרן הייבן דעם וווילזיין פון דער אָרעמער באַפעלקערונג – זיין עפעקטיווער און נוצלעכער, ווי מאָנעטאַרער ריווח.

די קאָמיסיע שטעלט פעסט מיט אַ קלאָרער, אומצווייַדייטיקער שפּראַך, אַז די נויט־באַפעלקערונג דאַרף זיין בילכער אויף צו באַקומען דינסט־אַנגעלעגנהייטן, וועלכע די מדינה גיט אירע בירגער. אויב מיר ווילן צונויפשמעלצן די פאַרשידענע עדהס, ארויסהייבן די וואָס זינקען אין אָרעמקייט – מוז מען אויסשטרעקן א ברודערלעכע האַנט און זיי באַפרייען פון קלעם. דאָס קאָן געטאָן ווערן נאָר דורך לענקען דעם גרעסטן טייל רעסורסן און באַדינונגען פאַר די אָרעמע שיכטן, מיטן גלייכצייטיקן פאַרמינערן די ״אינוועסטיציעס״ פאַר די זאַטע, פאַר די וואָס זיי האָט אָפּגעגליקט. ״מיר דערוואַרטן א ווענדפּונקט, וואָס אויב ער וועט מצליח זיין און דערפילן די שליחות, וועט ווערן אויפגעטאָן זייער וויכטיקס פאַרן וווילזיין פון דער מדינה און מיר וועלן לייזן א סך פּראָבלעמען וואָס מאַטערן אונדז״ – האָט דערקלערט ברוך לוי פאַר זשורנאַליסטן.

5

ווי אַזוי דאַרף דאָס אויסזען אין דער ווירקלעכקייט?

35 טויזנט משפחות לעבן אין אַזעלכע וווין־באַדינגונגען, אַז דריי און מערער נפשות געפינען זיך אין איין צימער – און פאַר זיי פאָדערט זיך אַ באַלדיקע פאַרגרעסערונג פון דער דירה, וואָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר אין פאַל, ווען די מיוחסדיקע געאָגראַפישע ראַיאָנען וועלן זיך באַגנוגענען מיט דעם וואָס זיי האָבן און נישט שטרעבן צו ווייטערדיקן וווּקס און אויסשפּרייטונג, ווייל דער רוב בוי־רעסורסן (בודזשעטן, פאַכלייט, צוגרייטונג־אַרבעטן) וועלן געלענקט ווערן אין אַ גאָר אַנדערער ריכטונג: פאַר די וואָס נייטיקן זיך אין א לייטישע וווינונג.

עפּעס ענלעכס דאַרף פּאַרקומען אויפן געביט פון בילדונג און דערציונג: אנשטאָט 40 און מערער קינדער אין איין קלאַס, ווי ביז איצט, זאָלן אין די נויט־ראַיאָנען לערנען נישט מערער ווי 30 קינדער אין אַ קלאַס. רעדוקציע פון 25% אין דער "ענגשאפט" פון די קלאַסן, פאָדערט צו בויען נייע שול־געביידעס, נאָך קלאַסן, מערער לערערס און גענייטע פעדאַגאָגישע קרעפטן, צו שטאַרקן דעם חינוך אין די גרענעץ־ישובים, אַנטוויקלונג־שטעטלעך און אנדערע ערטער, ווו די נויט האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען.

די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אז נישט שטענדיק לאָזן זיך רעאַליזירן שיינע פּראָיעקטן, אפילו ווען דערצו זענען פאַראַן געהעריקע בודזשעטן און אנטשפּרעכיקע קאַדערן. אָט צום ביישפּיל, האָבן פון די דערמאָנטע 35,000 משפחות זיך פארשריבן נאָר 7 טויזנט און פון זיי האָבן נישט מער פון 3 טויזנט משפחות דערגרייכט אַ באַקוועמע דירה. געשען איז עס אוודאי דערפאַר, ווייל די סאָציאַלע באַדינונגען פאַר דער נויט־באַפעלקערונג, באַפרידיקן בלויז אין אַ מינימאַלער מאָס די נויטבאַדערפטיקע. ס׳איז נישט קיין סוד, אַז נאָך מיט יאָרן צוריק, האָבן טויזנטער נישט געוואָלט פאַרלאָזן די באַראַקן, בלעך־הייזקעס און אנדערע נעבעכדיקע וווינונגען אין די מעברות, אויס מורא (און חשבון!), אַז מיטן איבערגיין אויף א העכערן וווין־סטאַנדאַרט, וועט די לאַסט פון מלוכהשע און מוניציפּאַלע שטייערן, וואָס האָט זיי דעמאָלט נישט אָנגעריירט, נעמען דריקן אויף דעם אזוי אויך מאָגערן משפּחה־בודזשעט.

6

ביים נישט אינפאָרמירטן לייענער קאָן זיך שאַפן דער איינדרוק, אז די נויט, וועמען די רעגירונג האָט לעצטנס דערקלערט מלחמה, איז אַנטשטאַנען ערשט אין די לעצטע עטלעכע יאָר. צו באַדויערן, איז די אָרעמקייט געווען אַ שטענדיקע באַגלייטערין פון דער מדינה, זינט איר אנטשטייונג – ביזן היינטיקן טאָג און געלייגט אַ טיפן חותם אויף דער דעמאָגראַפיע, בילדונג, קולטור און עקאָנאָמיק פון לאַנד, באַגלייט נאָך מיט אזעלכע סאָציאַלע אויפברויזן, ווי די אין וואַדי־סאַליב אין חיפה, אין יאָר 1959 און די ארויסטרעטונגען פון די "שוואַרצע פּאַנטערס" אין די יאָרן 1971/72, מיטן בפירושן אַקצענטירן דעם מיר, (ד. ה. די יידן וואָס שטאַמען פון די אפראָ־אַזיאַטישע לענדער), און זיי, (די אשכנזים; פון די אייראָפּעישע און אַנגלאָ־זאקסישע מדינות).

וואָס אייגנטלעך איז געווען צו דערוואַרטן פון אַזאַ ישראל, וואָס האָט אויף איר פאָן אויפגעשריבן קיבוץ גלויות – און יידן פון אַ בערך 70 לענדער האָבן גענומען ערנסט דעם ציוניסטישן אידעאַל און עולה געווען, נאָר דערביי מיטגעבראַכט מיט זיך נישט בלויז א 70 פאַרשידענע קולטורן, מאָטיוואַציעס, טראַדיציעס, געוווינהייטן, שפּראַכן – נאָר אויך "אימפּאָרטירט" מיט זיך א באַדייטנדיקע נויט. מיר געדענקען גוט די מאַסן־עליה באַלד נאָכן פּראָקלאַמירן די מדינה, ווען א פערטל מיליאָן עולים פון דער חרובער אייראָפּע און פון אייניקע אראבישע לענדער, זענען געקומען אהער ממש מיט ליידיקע הענט.

אין לויף פון די 27 יאָר איז עפּעס וואָס ביי אונדז קאַליע געוואָרן. אויב אין יאָר 1948 האָט די נאָר וואָס אנטשטאַנענע מדינה זיך אויסגעצייכנט מיט דער פאַרהעלטענישמעסיקער גלייכהייט פון דער באַפעלקערונג, ווייל די אונטערשיידן צווישן אָרעם און רייך זענען געווען אומבאַדייטנדיקע און די לוין־קאַטעגאָריעס כמעט אידענטיש, זענען מיר היינט נישט הינטערשטעליק לגבי אייראָפּע און אפריקע, ווו דער אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך רייסט ממש די אויגן. שוין צום סוף פון די זעכציקער יאָרן זענען מיר דערגאַנגען דערצו, אז א 20% פון דער באַפעלקערונג, דאָס א. ג. "אויבערשטע פינפטל", האָט צוגענומען פאר זיך בערך 40% פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה, בעת דאָס "אונטערשטע פינפטל", ד. ה. אַנדערע 20% פון דער באַפעלקערונג, וואָס געפינט זיך אויפן נידעריקסטן שטאַפּל פון עקאָנאָמישן לייטער, האָט באַקומען נישט מער ווי 7 – 8 פּראָצענט... אויך איצט, אין דער העלפט פון די זיבעציקער יאָרן, האָט די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ זיך נישט געענדערט.

באַרייכערונג פון אַ טייל פון דער באַפעלקערונג זאָגט טאַקע עדות וועגן עקאָנאָמישן פאָרשריט, אָבער דערפירט גלייכצייטיק צו פאַרגרעסערטע סאָציאַלע אָפּשטאַנדן. אויפן פּאָן פון

עשירות און וווילזיין, איז שארפער די נויט, איז בולטער די אָרעמקייט. די ברייט־צעעפנטע "שער" פון אָרעם און רייך אין ישראל, איז נישט נאָר אן עקאָנאָמישע צי סאָציאַלע פראגע, נאָר פאר אַלעמען — אַן ענין פון עדהס, פון ספרדישע און אשכנזישע יידן, פון "מיר" און "זיי", פון שבטים — אנטאגאָניזמען. און אַוודאי און אוודאי איז עס אויך א הארב קולטור־פּראָבלעם. וואָס זאָל מען טאָן, אַז אַ 55% פון אונדזערע קינדער לעבן אין משפּחות, ווו דער פאָטער איז א גאַנצער אָדער האלבער אנאלפאבעט, ווייל ער האָט אפילו נישט פארענדיקט 7 קלאסן פאָלקס־שול. דעריבער זענען שוואַך די האָפענונגען, אַז פון אזעלכע היימען זאָלן א סך קינדער דערגרייכן דעם אוניווערסיטעט.

אויף צו אילוסטרירן די לאגע, איז כדאי צו באַקענען זיך מיט אייניקע באַלערנדיקע ציפערן: פון אַ 50 טויזנט סטודענטן אין די ישראלדיקע הויכשולן, שטאַמען 4,5 טויזנט פון עלטערן פון די אפראָ־אזיאטישע לענדער; דער דורכשניט פון 13 יאָר בילדונג (פאָלקס־שול און גימנאַזיע) איז 16.6% ביי די אַשכנזישע יידן און בלויז 6.4% ביי די מזרח־עדות.

אין שייכות מיטן ערשט נישט לאַנג פאָרגעקומענעם וועלט־קאָנגרעס פון די צפון־אפריקאנער יידן, זענען אויך באַקאַנט געוואָרן געוויסע ציפערן און פאקטן וועלכע באַציען זיך בלויז צום דערמאָנטן שבט. בעת דער דורכשניט אין לאַנד פון די אקאדעמישע פּראָפעסיעס מאַכט אויס 7% פאַר די אשכנזישע יידן, אין ער ביי די יידן פון די זאגרעב־לענדער וואָס ווינען אין ישראל, דערגאנגען נאָר צו 2%; אין טעכנישע פאַכן — 13% און 7%; נישט פאכלייט — 5% און 9%; פאַבריק־ און קאָמוניקאציע־ארבעטער — 28% און 35%; באַאַמטע — 18% און 13%; באַדינונגען — 12% און 19%.

איך וויל דערמאָנען, אז דער צווייטער ציפער פון דער אויבן געבראכטער סטאַטיסטיק, באלאנגט צו די אָפּשטאַמיקע פון די צפון־אפריקאנישע לענדער. מען דארף אָבער נישט פארגעסן, אז ס'זענען פאראן אין ישראל אויך יידן פון תימן און פון קאָטשין, פון איראק און מצרים, פון בוכאַרע און פון גרוזיע, פון טערקיי און קורדיסטאן, פון סיריע און אביסיניע — און פון וועלכע לענדער נישט? די אַלע שבטים, וואָס בילדן היינט קאַרגע 60% פון דער יידישער באפעלקערונג אין לאַנד, אַנטקעגן די איבער 40% אשכנזישע יידן, האָבן פארן בוי און אנטוויקלונג פון דער מדינה געגעבן א ריזיקן צושטייער. בלויז די צפון־אפריקאנער יידן האָבן אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר אויפגעשטעלט 115 מושבים און געלייגט דעם גרונטשטיין (אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט), אַנטוויקלט און באַפעלקערט — 32 שטעטלעך.

7

נאָר דאָס אַלץ ענדערט נישט דעם דעמאָגראפישן פאקט: בעת דער לאַנד־דורכשניט פון פיל־קינדער משפחות איז 13.5%, דערגייט ער ביי די אזיאָ־אפריקאנישע אָפּשטאַמיקע ביז איבער 30%. און אַן עקאָנאָמישער פאקט: בעת די יערלעכע הכנסה פון א שטאָטישער משפחה איז אין 1974 דערגאנגען ביז 24,600 ל"י אַ יאָר, באַטרעפט זי ביי די ספרדישע און מזרח־יידן בלויז 18,300 ל"י. און א קולטור־דערציערישער מאָמענט: בעת אין די פאָלקס־שולן דערגייט די צאָל קינדער וואָס שטאַמען פון עלטערן פון די מזרח־עדהס ביז 60% — די זעלבע פּראָצענט־נאָרמע ווי פון דער אלגעמיינער צאָל יידן אין לאַנד — ענדיקן בלויז 52% די ערשטע 8 יאָר לימוד, אין די מיטלשולן לערנען פון זיי בלויז 31%, מאַטורע באַקומען נישט מער ווי 10% און אקאדעמישע אטעסטאטן — בלויז 4% — 3%.

8

ציפערן אויף ציפערן — ווער געדענקט זיי און ווען באַנוצט מען זיך מיט זיי? אָבער היינט באַטייטן די דאָזיקע ציפערן נישט נאָר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, צי סטאַטיסטישע אָנגאַבן, נאָר אויך — טרויעריקע פאקטן צום דיאגנאָז און היילונג. אַוודאי קאָן מען פרעגן: ווו זענען מיר געווען מיט די אַלע מיטלען צו באקעמפן די אָרעמקייט, זינט די מדינה איז אנטשטאַנען? פארוואָס האָט מען דערלאָזט צום דלות און פאַרשטויסנקייט פון גרויסע שיכטן פון דער באפעלקערונג?

אין מדינת ישראל איז נישט אַזוי שווער צו געפינען קיין ענטפער אויף די דאָזיקע פראגן: אַ לאַנד וואָס 40% פון זיין בודזשעט ווערט אויסגעגעבן אויף פארטיידיקונג־צוועקן, ווייל די שכנים האָבן נאָך אַלץ נישט משלים געווען מיטן קיום פון דער מדינה; אַ לאַנד וואָס דאַרף אָן איבערייס אויפנעמען עולים און זיי באַזאָרגן, פון מלוכהשע געלטער, מיט א דאַך איבערן קאָפּ, מיט באַשעפטיקונג, מיט שולן פאר די קינדער און אַנדערע מיטלען אויף אָנצוגיין מיט א נאָרמאלן, אנשטענדיקן לעבן; אַ לאַנד דארף זיך אויך בויען און אנטוויקלען, מיטשפּאַנען מיט דער צייט, כדי נישט פארוואנדלען זיך אין נאָך איין לעוואנטינישע מדינה אויפן נאָענטן און מיטעלן מזרח; א לאַנד וואָס דאַרף תמיד זיין גרייט אויפצונעמען מאַסן יידן, וואָס וועלן קומען אהער אין צייט פון עקאָנאָמישע קריזיסן און פּאָליטישע אויפטרייסלונגען אין זייערע וווין־לענדער — אַזאַ לאַנד האָט גֿעהאט גאַנץ ערנסטע סיבות צו פארזען די אָנוואַקסנדיקע נויט, די זיך אַנטוויקלענדיקע אָרעמקייט, די יוגנט וואָס קייקלט זיך בארג אַראָפּ, הגם עס זענען געווען כוחות, וואָס האָבן געוואָרנט, אַלאַרמירט, פּראָטעסטירט, דעמאָנסטרירט — אָבער נישט תמיד איז די רעגירונג געווען מסוגל און וויליק צו געפינען די לייזונג. נאָר בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל — און דער איצטיקער פּראָגראַם, וואָס צייכנט זיך אויס מיט כאַראַקטער, אינהאַלט און האָט אויך אַ מאָראַלישן און... פינאנסיעלן רוקנביין, וועט אָן שום ספק זיין א ווענדפּונקט צו געפינען אַ תשובה אויף איינעם פון די אָנגעווייטיקסטע אינערלעכע פּראָבלעמען פון לאַנד — און ווי האָט זיך אויסגעדריקט א פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט — ״אָפּווישן דעם פלעק אויפן סאָציאַלן געוויסן פון דער מדינה״...

(י״ש ת״א, 31.12.75)

# בילדונג אָן וויסן

## אָדער: געלערנטע עם־הארצים

1

אייניקע, לעצטנס דורכגעפירטע פאָרשונגען צווישן סטודענטן און גימנאזיסטן בנוגע זייער בקיאות אין פראגן יידנטום, ציוניזם, יידישע מדינה און אלגעמיינעם וויסן האָבן באַוויזן, אַז נישט תמיד זענען מאַטורע־צייגנישן צי אוניווערסיטעט־לימודים אַ גאַראַנטיע פאר ערודיציע און אינטעליגענץ. ווייל נאָכן באַקענען זיך מיט געוויסע, ממש דערשטוינענדיקע ענטפערס אויף דער אנקעטע, מוז מען קומען צום אויספיר, אז וואָס מערער געלערנטקייט (ביי די געפאָרשטע, פארשטייט זיך) — אַלץ ווייניקער קענטענישן...

אבי מיר האָבן געמיינט, אַז למדנות פון א גימנאזיע צי הויכשול, פארזיכערט א גענוגנדיקן אינטעלעקטועלן באַגאזש אויף צו זיין באַהאַוונט אויך אין געוויסע פראגן פון אייגענעם פאָלק, מדינה און וועלט, וואָס פארנעמען נישט אפשר צופיל אָרט אינעם לערן־פּראָגראַם, אָבער דארפן געהערן צום ״אייזערנעם פאָנד״ פונעם מאָרגנדיקן געלערנטן צי וויסנשאפטלער. צום באַדויערן, זענען א ריי תשובות געווען אזוי איבעראשנדיק און אנטוישנדיק, אַז עס האָט זיך פשוט נישט געוואָלט גלויבן, אז יונגעלייט מיט מיטעלער און העכערער בילדונג זאָלן ארויסווייזן אזוי פיל אומוויסן אין ענינים, מיט וועלכע א געוויינלעכער משכיל, אַן אויטאָדידאקט, איז מסוגל זיך אַן עצה צו געבן אויפן סאמע בעסטן און בכבודיקסטן אופן.

נאָר לאָמיר געבן דאָס וואָרט די פרעגערס און געפרעגטע:

פּראָפעסאָר ירמיהו בארנאָווער, אליין אן עולה פון ראטנפארבאַנד, א רעליגיעזער מענטש, האָט אויסגעקליבן 134 סטודענטן און גימנאזיסטן, וואָס לויט די געזעצן פון סטאטיסטיק, בילדן זיי דעם א.ג. ״סטאטיסטישן מאָדעל״ און פאר זיי אויסגעארבעט אן אנקעטע־בויגן. אויף יעדער פראגע האָט ער באַשטימט אַ צאָל פונקטן. אין פאַל פון ריכטיקע ענטפערס אויף **אַלע** פראגן, איז די

נאָרמע געווען – 100 פונקטן. לײדער, איז קײן אײנער נישט דערגאַנגען צו דער נאָרמע. אין דורכשניט, האָבן סטודענטן פון דער ערשטער גראַדואירונג דערגרייכט בלויז 22% אין דער טעמע ייִדישקייט; אין ציוניזם – 30%, און אַלגעמיינע בילדונג – 28%. דאַקעגן ביי די סטודענטן פון דער צווייטער גראַדואירונג האָט זיך באַקומען 21% אין ייִדנטום, 30% אין ציוניזם און 29% אין אַלגעמיינער בילדונג. ערגער איז געווען ביי די סטודענטן נייע עולים (מן הסתמא צוליבן שוואַכן באַהערשן די העברעישע שפּראַך): ייִדנטום – 8%; ציוניזם – 5%; אַלג. בילדונג – 17%.

די דאָזיקע סטאַטיסטיק רופט אָבער נישט אַרויס יענעם שמייכל פון טרויער און באַדויער, ווי די אויסטערלישע ענטפערס אויף ספּעציפישע פראַגן, ווי צ.ב. "וואָס ווייסטו וועגן רמב"ם?" ווי באַוווּסט, איז רבנו משה בן מיימון געווען איינע פון די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער ייִדישער געשיכטע. געבוירן אין שפּאַניע אין יאָר 1135 און געשטאָרבן אין מצרים אין 1204. באַרימטער דאָקטער, גרויסער למדן און דענקער, מחבר פון וויכטיקע ספרים, ווי "משנה תורה" און "מורה נבוכים". דער רמב"ם האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויפן גאַנצן ייִדישן און רעליגיעזן לעבן און פאַר דורות געווען אַ מורה־דרך אין הלכה, פילאָזאָפיע, מעדיצין, עטיק און אַנדערע וויסנשאַפטן. נאָר ביי אונדזערע ווױלגעלערנטע, באַקומען זיך אַזעלכע תשובות וועגן אים: "דיכטער און קאָמענטאַטאָר פון תנ"ך, געשטאָרבן אין מצרים"; "אַ פּאָליטיקער"; "מחבר פון הכוזרי": "אַ חסיד וואָס האָט געלעבט אין 18טן יאָרהונדערט"; אַ הויף־דאָקטער ביים רוסישן צאַר".

ענלעכע תשובות ווערן אויך געגעבן וועגן בעל־שם־טוב: "אַ ספרדישער רב, וואָס האָט געלעבט אין צפון פון לאַנד"; "אַ ייִדישער דאָקטער און שרייבער אין מיטלאַלטער"; "אַ ייִדישער פילאָזאָף אין מיטלאַלטער"; "פון די ערשטע ייִדן פונעם אַלטן ייִדישן ישוב אין ארץ־ישראל".

וואָס ענטפערן געוויסע סטודענטן וועגן לאָרד באַלפור און זיין דעקלאַראַציע? "נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען אין פראַנקרייך באַשולדיקט ייִדן און זיי געשטעלט פאַר אַ געריכט – און דאָס איז געווען דער אָנהייב פון געבן רעכט דעם ייִדישן פאָלק". אויך בנוגע אַנדערע פּערזענלעכקייטן, זענען די ענטפערס מבולבלדיקע, לעכערלעכע און "קלעבן זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט", ווי למשל: "דאָסטאָיעווסקי – באַוווּסטער נייער עולה פון רוסלאַנד, וואָס לעבט איצט"; אָדער – "אַ קאָמפּאָזיטאָר"; אָדער – "דער מחבר פונעם בוך 'מלחמה און שלום'".

מילא, ווער זאָגט עס, אַז יעדער סטודענט דאַרף וויסן אַז לעוו טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבן "מלחמה און שלום" און אַז לאָרד בייראָן איז נישט געווען קיין קאָמפּאָזיטאָר, ווי ס'האָט געשריבן איינער אין דער אַנקעטע? נאָר פאַרוואָס זאָל אַזאַ יונגערמאַן זיך נישט פונאַנדער קלייבן אין אַזאַ פּשוטער **געאָגראַפישער** פראַגע ווי די הויפּטשטאָט פון אויסטראַליע – און ענטפערן: "דיסניי", "אָטאַוואַ" אָדער... "ווין"; אָדער אַז "עמנואל קאַנט איז דער אייגנטימער פון דער באַרימטער סיגאַרעטן־פאַבריק 'קענט'".

פאַראַן אָבער אַ הונדערט פּראָצענטיקער ענטפער אויף איין פראַגע פון אַלע אָן אויסנאַם אינטערפּעלירטע, וואָס האָבן געוווּסט, ממש מיט ענציקלאָפּעדישער גענויקייט, צו שילדערן ווער ס'איז אייראָנסייד, דער געליימטער דעדעקטיוו און פּאָליציי־אינספּעקטאָר פון דער פּאָפּולערער טעלעוויזיע־סעריע, וואָס אין משך פון 50 מינוט האָט ער באַוויזן, זייענדיק צוגעשמידט צום אינוואַלידן־וועגעלע, צו לייזן די סאַמע פאַרפּלאָנטערטע פאַרברעכנס און רציחות, איבער וועלכע אַ שערלאָק האָלמס האָט שווער און ביטער געהאָרעוועט לאַנגע וואָכן און חדשים...

אַז עס קומט אָבער צו אַזאַ ייִד ווי יהודה הלוי (איר דערמאָנט זיך אַוודאי זיין באַרימט ליד "איך בין אין מערב און מיין הארץ איז אין מזרח"), איז ער אין באַוווּסטזיין פון אייניקע סטודענטן אַ... "כנסת־דעפּוטאַט", אָדער "דער באַשאַפער פון דער העברעישער שפּראַך", צי גאָר – "אַ רב"!

אויסער דעם דערמאָנטן "סטאַטיסטישן מאָדעל" פון פּראָפעסאָר באַראנאָווער, האָט זיך אויך דער סטודענטישער צייטונג "אפסילון" אויפן חיפה'ער פּאָליטעכניקום פּארגלוסט אַדורכצופירן אן ענלעכע פאָרשונג צווישן 200 סטודענטן, וואָס האָבן ממש ארויסגעוויזן דערשטוינענדיקע איגנאָראַנץ אין אלגעמיינעם וויסן. אויף דער פראגע וואָס איז אזוינס קאָנסאָלידאַציע (פון חובות), האָבן 25% געענטפערט: "די צערעמאָניע פון איבערגעבן באגלויבונג־פּאַפּירן פון א קאָנסול אין א פרעמדער מדינה"; 12.5% – "אַ פּאָליטישע סיטואציע, געגליכן צו מלחמה־דערקלערונג"; 18.5% האָבן זיך אפילו נישט געוואָלט געבן די מי צו לערנען טרעפן, און די רובריק איבערגעלאָזן ליידיק.

איצט לאָמיר זיך ווידער אומקערן צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע פון יאָר 1917 און זען, ווי אזוי זענען אייניקע חיפהער סטודענטן באהאוונט אויף דער טעמע. אָט זענען זייערע ענטפערס: 7% – "די דעקלאַראַציע איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1947, אַ יאָר פאַרן אנטשטיין פון דער מדינה"; 31% האָבן אָנגעגעבן פארשידענע דאַטעס, פון יאָר 1877 ביז 1927; 12% ווייסן נישט בכלל ווער איז געווען באַלפור און פון וועלכער דעקלאַראַציע רעדט זיך.

אליהו גאָלאָמב, דעם שעף פון דער "הגנה", האָבן 7% באַשטימט ווי "דער פּרעזידענט פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָך ד"ר הערצל"; 5% האָבן אים געגעבן דעם אמט פון "פּאָרזיצער פון דער צוגרייטונג־פאַרזאמלונג מיטן אנטשטיין פון דער מדינה"; 3.5% האַלטן אים פאַרן "שעף פון... אצ"ל" און א קארגע 10 פּראָצענט ווייסן בלויז, אז "גאָלאָמב איז א נאָמען פון אַ גאַס"!

וואָס ווייסן אונדזערע סטודענטן וועגן דאג האמערשעלד, דער צווייטער (נאָך טריגווע לי) גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אונ"אָ? 9% שרייבן: "אמעריקעס אויסערן־מיניסטער אין די יאָרן 1954 – 1975"; 9.5% ווייסן נישט בכלל וועמען מען מיינט; 3.5% האַלטן אים פאַרן "פּאָרזיצער פון דער קאָנסערוואַטיווער פראַקציע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט" און 1% – "פּרעמיער פון דער דייטשער רעגירונג, בעת דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה".

3

לאָמיר איצט צורו לאָזן די סטודענטן און גימנאַזיסטן און כאַפּן אַ בליק אינעם "קליינעם וועגווייזער פאַר דער שטאָט חולון", ארויסגעגעבן דורך דער אָפּטיילונג פאַר דערציונג (יוגנט־סעקטאָר) פון דער חולונער מוניציפּאַליטעט, דערשינען דעם 18טן יאַנואַר 1976 און פארשפּרייט געוואָרן אין די שולן און יוגנט־קלובן. דאָרט וועט איר געפונען אמתע "ראָזשינקעס" פון עם־הארצות, וואָס אויב די יוגנט פון חולון וועט זיי פארגעדענקען, וועלן זייערע תשובות מיט יאָרן שפּעטער, אין אוניווערסיטעט, זיין אידענטישע צו די וועלכע מיר האָבן פריער ציטירט.

וואָס אינפאָרמירט די דאָזיקע "מיניאַטור־ענציקלאָפּעדיע" פון א פיינער ישראלדיקער שטאָט, דער שכן פון תל־אביב און בת־ים, וועגן נחום סאָקאָלאָוו: "געבוירן אין 1936, געשטאָרבן 1959" (עס דאַרף זיין: געב' 1859 געשטאָרבן 1936). און וועגן פאַלשן משיח דוד הראובני (געבוירן לערך אין 1490 און געשטאָרבן אין שפּאַניע אין 1535) ווערט געשריבן: "אַ יידישער אוואַנטוריסט, געבוירן אין 1900, באַוויזן זיך אין ווענעדיק אין 1924, מאָביליזירט דאָרט שטיצע ביי די קריסטן קעגן די מאכמעדאַנער אין שפּאַניע, אַרעסטירט געוואָרן אויפן באַפעל פון שפּאַנישן קעניג און אומגעבראַכט געוואָרן אין יאָר 1935. (אָט דאָס הייסט, אויף ריין יידיש, "פארקאַכט אַ קאַשע!"...).

דעם "חולונער ענציקלאָפּעדיסט" ווילט זיך אויך אינפאָרמירן זיינע יונגע לייענערס וועגן ערשטן מאַי. באמת, שיין פון זיין זייט! געפינען מיר דאָרט אזא דערקלערונג וועגן דאָזיקן יום־טוב, וועמענס "געבורט־מעטריקע" שטאַמט, ווי באַוווסט, פון אמעריקע, אין יאָר 1889: "ערשטער מאַי – אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער יום־טוב. דער יערלעכער טערמין איז באַשטימט געוואָרן לויט דער דאַטע פונעם אָנהייב פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917".

פארשטייט זיך, אז די אויבן דערמאָנטע תשובות פון סטודענטן און אויפקלערונגען פון "חולונער לעקסיקאָן", זענען בלויז א קליינער טייל פון די פארקריפּלונגען, ווי זיי זענען געקומען צום אויסדרוק אין יענע אנקעטעס, וועלכע זענען פול מיט עם־הארצישע אויסטייטשונגען. פון דער צווייטער זייט, טאָר מען נישט אפילו דערלאָזן דעם געדאנק, אז די 50 טויזנט סטודענטן אין די ישראלדיקע הויכשולן זענען, חלילה, לויטערע אנאלפאבעטן, וואָס פון איין זייט באַקומען טאַקע אַלע הויכע צייגערס אין די לימודים לויטן פארפליכטנדיקן לערן־פּראָגראם, נאָר פון דער אנדערער זייט זענען זיי פּאָליטיש נישט־גראַמאָטנע, געזעלשאפטלעך נישט רייף און אומוויסנדיק אין אלגעמיינע, יידישע און ישראלדיקע פּראָבלעמען. ס׳איז נישט אזוי! מיר גלייבן נאָך אַלץ אין דער איינרעדעניש (פון אייגענע און פרעמדע), אז מ׳איז פּאָרט אן עם הספר, אָדער אן עם חכם ונבון. והראייה – ווידער א ביסל סטאַטיסטיק:

4

78% פון דער יידישער באפעלקערונג פון 14 יאָר אָן און ווייטער, לייענט אַ טאָג־צייטונג (פון די 27 טאָג־צייטונגען וואָס דערשיינען אין ישראל, דערונטער 13 פון זיי – אין עברית). אממיינסטן ווערן געלייענט די 2 נאָכמיטאָג־צייטונגען – 61%, אַנטקעגן 30% לייענערס פון אַ העברעישער פרימאָרגן־צייטונג און א 20% – אין אנדערע שפּראכן.

און ווי האלט עס מיט ביכער? באמת, נישטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען, אויב 47% פון דער יידישער באַפעלקערונג לייענען, ווינציקסטנס, איין בוך אין חודש, און 2/3 פון זיי – צוויי ביכער און מערער א חודש. 21% פון דער יידישער באפעלקערונג, פון 14 יאָר אָן, זענען פארשריבן אין ביבליאָטעקן.

מעג מען פרעגן: אויב ס׳איז אזוי גוט, טאָ פארוואָס איז אזוי שלעכט? אַ טייליוויזיע, אָבער ריכטיקן ענטפער אויף דער פראגע, האָב איך געפונען אין דער תשובה פון דער דערמאָנטער אנקעטע־פאָרשונג פון פּראָפ׳ באַראַנאָווער. אויף דער פראגע, צי איז נייטיק חלוציזם אין לאנד, האָבן 90 פּראָצענט געענטפערט אז יאָ, ס׳איז נייטיק!

איך ווייס נישט גענוי, וואָס האָבן די 90% געפאָרשטע סטודענטן פארשטאַנען אונטערן וואָרט חלוציזם, נאָר לויט מיין אויפפאסונג, איז עס נישט בלויז דעראָבערן די וויסטעניש, פירן אַ באַשיידן, קאָלעקטיוויסטיש לעבן, ליב האָבן דאָס לאנד – נאָר אויך שטרעבן צו וויסן, צו בילדונג, צו אינטערעס פאַרן פּאָליטישן, געזעלשאפטלעכן און פארטייאישן לעבן, דער עיקר – זיין דורכגעדרונגען מיט אַן אידעאַל. אויב אזוי, וואָלט איך געוואגט פאָרצולייגן די ישראלדיקע סטודענטן, צי דער יוגנט בכלל פון אונדזער לאנד, א געוויסן "מאָדעל", אפשר טאַקע א פארעלטערטן, אפילו אן אויסגעלאכטן און "אָפּגעלעבטן", פון יענעם קליינשטעטלדיקן בחור, וואָס האָט נישט איבערגעטרעטן די שוועל פון אַ שול, דאָך איז ער געווען אָנגשטאָפּט מיט אלגעמיינעם און יידישן וויסן, געהאַט גרייט אינטעליגענטע און פרעציזע ענטפערס אין פראגן פון פּאָליטיק, ליטעראטור, קולטור. מיר געדענקען גוט די קעסטל־אָוונטן אין די לאָקאלן פון די יוגנט־אָרגאניזאציעס, אויף וועלכע אָרטיקע רעפערענטן האָבן "אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען" און אַליין פארענטפערט דעם רוב פראגן; מיר געדענקען דעם חלוץ פון פוילן, וואָס איז ארומגעגאנגען מיט א בוך אונטערן אָרעם און מיט פיל וויסן אין קאָפּ (די "גייענדיקע ענציקלאָפּעדיעס", ווי מען פלעגט זיי באַצייכענען). יענע יונגעלייט, וואָס האָבן געפירט אַ שווער, ביטער לעבן אין נויט און דיסקרימינאציע, זענען אַ דאַנק זייער אמונה אין העכערע ווערטן, אין אן אידעאל, געווען מסוגל זיך צוצואייגענען אומגעהויערע אוצרות פון פארשידענע "איזמען". זיי האָבן געקענט ציטירן שטעלן פון ספרים, גוט זיך פונאנדערגעקליבן אין דער וועלט־ליטעראטור, געוווסט די ביאָגראפיעס און שאפונגען פון די יידישע קלאסיקערס און געווען גלייכצייטיק אויסגעקאָכט (און פארקאָכט!) אין פּאָליטיק.

וואָלט דעריבער געווען א יושר, אז יענע סטודענטן וואָס זענען ביי דער מיינונג וועגן דער נויטווענדיקייט פון חלוציזם אין לאנד, זאָלן צוזאמען מיט זייערע חברים פון דער שול־באַנק, נעמען

אויף זיך דעם עול פון אָנגעהעריקייט צו די ארבעטער־פּאַרטייען, אַנגאזשירן זיך אינעם פּאָליטישן געראנגל פון לאַנד – די איינציקע, לויט מיין מיינונג, גאראנטיע, אז זייער אוניווערסיטעט־בילדונג זאָל באַרייכערט ווערן אויך מיט אַ סך וויסן, לטובת זיך אליין און לטובת דער מדינה.

(י"ש ת"א, 10.3.76)

## נישט פון זיי וועט קומען די הילף

מיט יאָרן צוריק האָט בן־גוריון זיך אויסגעדריקט, אַז דער אונטערשייד צווישן אונדז און די אַראַבישע שכנים באַשטייט אין דעם, וואָס אין סיריע צי אין אַן אַנדערע מדינה אין ראַיאָן, דעצידירט דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, ווער ס'וועט זיין פּרעמיער־מיניסטער; דאַקעגן אין ישראל באַשטימט דער ראש־הממשלה, ווער עס זאָל אָנפירן מיט דער אַרמיי...

1

פון יענער דערקלערונג, איז אַ סך וואַסער אָפּגעלאָפן אין ירדן. די פּאָליטישע רעזשימען אויפן מיטעלן און נאָענטן מזרח האָבן זיך פיל־ווייניק סטאַביליזירט און אין די לעצטע יאָרן איז כמעט געוואָרן אויס מיט איבערקערענישן. דאַקעגן אין ישראל האָבן זיך באַוויזן אייניקע געוועזענע גענעראַלן און געלאָזט הערן האַרבע באַשולדיקונגען, אַז אין לאַנד הערשט אַ נאַכלעסיקע רעגירונג, וואָס פירט אַן אומקאָנסעקווענטע פּאָליטיק און אַ צעקריגטע אָנפירונג, וואָס קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער צעטרייסלטער ווירטשאַפט. אָבער נאָכן פעסטשטעלן דעם "דיאַגנאָז", האָבן זיי גלייך פאַרשריבן דעם "רעצעפּט": יעדער איינער פון זיי איז גרייט צו שטעלן זיך בראש פון אַ נייער רעגירונג, אויף דעמאָקראַטישע וועגן, פאַרשטייט זיך – אָדער וואַלן, אָדער אַן אייגנווילליקע רעזיגנאַציע פון דער איצטיקער ממשלה.

זאָל געזאָגט ווערן, אַז וועלכע ס'איז אנאלאָגיע צווישן ישראלדיקע גענעראַלן מיט זייערע קאָלעגן אין דרום־אַמעריקע צי אין אַנדערע לענדער, וועט בשום אופן "נישט אויסהאַלטן ס'יידישקייט". ווייל אונדזערס גענעראַל איז אַרויסגעוואַקסן פונעם פּאָלק, בדרך־כלל – פון נישט־פאַרמעגלעכע שיכטן. זייערע היימען זענען געווען: דער קיבוץ אָדער מושב, די חלוצישע יוגנט־באַוועגונג; זייערע מיליטערישע אַקאַדעמיעס און אוניווערסיטעטן – די "הגנה", דער פּלמ"ח, די פינף מלחמות אין וועלכע די מדינה אין געוואָרן אַריינגעצויגן אין די 28 יאָר פון איר עקזיסטענץ; זייער פּאָליטישע שול – דער דעמאָקראַטישער רעזשים אין לאַנד; די שטרענגע פונאַנדערטיילונג צווישן דער אַרמיי און פּאָליטיק; דער בפירושער פאַרבאָט פאַר אָפיצירן און זעלנער פון צה"ל צו זיין אַנגאַזשירט אין פּאַרטייען.

נאָך עפּעס: אונדזערע קאָלאָנעלן און גענעראַלן האָבן נישט געהאַט "אויף וועמען זיך צו פאַרקוקן", ווייל אין ישראל האָט נאָך בין איצט קיין איין הויכער אָפיציר נישט. פאַרמאָסטן זיך איבערצונעמען די מאַכט און אוודאי איז אים נישט איינגעפאַלן צו פּרווון אַדורכפירן אַ "פּוטש", ווי דאָס האָט פאַסירט ביי אַנדערע.

און אויב אין דער איצטיקער ישראל־רעגירונג זענען פאַראַן אייניקע גענעראַלן, ווי דער פּרעמיער בכבודו ובעצמו, יצחק רבין, זיין פאַרטרעטער און אויסערן־מיניסטער יגאל אלון, דער האַנדלס־און אינדוסטריע־מיניסטער חיים בר־לב – זענען זיי דערגאַנגען צו די הויכע אַמטן, ווי שליחים פון זייער פּאַרטיי און אויפן סאַמע דעמאָקראַטישן וועג: נאָמינאַציעס, אָפּשטימונגען אין דער באַוועגונג און אַלגעמיינע וואַלן צו דער כנסת.

2

פון דעסטוועגן האָבן געוויסע גענג און דערקלערונגען פון עטלעכע געוועזענער גענעראַלן, ווי: יגאל ידין, אריק שרון, עזר וויצמאַן, משה דיין, מאיר עמית און אהרון יריב, אַרויסגערופן אַ סך מער שטוינונג, איידער... האָפענונג. ס'האָט זיך צופיל געלאָזט הערן אין זייערע דעקלאַראַציעס,

צייטונגס־אינטערוויוען, טעלעוויזיע־אויפטריטן, דער פערזענלעכער אַקצענט, די איינרעדעניש "איך וועל עס מאַכן בעסער", כאילו ער, וואָס האָט אַמאָל געטראָגן די עפּאָלעטן פון אַן אלוף (גענעראל), איז מסוגל צו ראַטעווען דאָס לאַנד.

צום גליק, זענען די אַלע פּאַרדינסטפולע און באַרימטע גענעראלן נישט דערשינען ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַ באַזונדערע פּאָליטישע פאָרמאַציע, מיט אַ פּראָגראַם פון אַ געשלאָסענער גרופּע, וואָס ביי לייטן רופט מען דאָס "מיליטערישע קליקע". חלילה, ס'איז נאָך זייער־זייער ווייט דערפון. פּאָרלויפיק, מאַכט יעדער שבת פאַר זיך. זיי זעגען אָבער אייניק אין דער קריטיק און כמעט ביי אַלע הערן זיך פּאָדערונגען, אַז די רעגירונג דאַרף **אָפּטרעטן** (און פאַר זיי באַפרייען דאָס אָרט...); בעת דער רוב בירגער פון לאַנד, וואָס האָבן אויך טענות קעגן די מיניסטאָרן ווי אַ קאָלעקטיוו, אָדער לגבי יעדן איינעם באַזונדער, באַגנוגענען זיך מיט פּאָרשלאָגן און פּראָיעקטן צו **פאַרבעסערן**. נאָר ווי געזאָגט, איז דער גרעסטער טייל פון די דערמאָנטע גענעראלן איבערצייגט, אַז דער שליסל צו ראַטעווען דאָס לאַנד ליגט אין **זייערע הענט**.

3

אויפן העכסטן אַקאָרד אין דער פראַגע, האָט אָנגעשלאָגן יגאל ידין, פּראָפעסאָר פון אַרכעאָלאָגיע; וואָס האָט נאָך מיט 23 יאָר צוריק אויסגעטאָן דעם גענעראלסקע מונדיר און זיך געווידמעט אין גאַנצן אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען און אַנטדעקונגען, און אויך פאַרנומען אַ קאַטעדרע אויפן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. ווען בן־גוריון האָט פּאַרלאָזט מפא"י און געגרינדעט רפ"י, איז געווען אַ מיינונג, אַז יגאל ידין איז זייער נאָענט צו דעם נייעם באַשעפעניש, ווייל ער האָט זיך דעקלאַרירט ווי אַ הייסער אָנהענגער פון רעגיאָנעלע וואַלן, איינע פון די הויפּט־לאָזונגען פון רפ"י, הגם ער איז צו איר נישט צוגעשטאַנען. ווי א מיטגליד פון דער אַגראַנאַט־קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאָרשן די יום־כיפור־מלחמה, האָבן אַ סך אים פאָרגעוואָרפן איינזייטיקייט, צוליבן צושטימען צו פאַראורטיילן די גענעראלן אלעזר, גונן און אַנדערע, ביים גלייכצייטיקן ריינוואַשן משה דיינען.

ווייסן מיר נישט די אמתע סיבות, וועלכע האָבן באַוויגן אַ וויסנשאַפטלער, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט "געקאָכט" אינעם ישראלדיקן פּאָליטישן קעסל, אויפצוטרעטן כלפי עם ועדה און דעקלאַרירן זיין גרייטקייט צו שטעלן זיך צום וואַל־פאַרמעסט. בנוגע שלום און זיכערקייט, האָט מען זיינע אָנשויונגען קוואַליפיצירט צו די פון די "טויבן", אויף וועלכע דער "ליכוד" וועט זיך נישט וועלן אייניקן. נאָר דעם גרעסטן אומגליק זעט ער אין דעם איצטיקן, פינף־פאַכיקן וואַל־סיסטעם, און די בעסטע לייזונג, לויט אים – רעגיאָנעלע און פערסאָנעלע וואַלן. דער עיקר – אַ פּרעזידענטאַלער רעזשים, אויפן מוסטער פון אַמעריקע. אַזא ישראלדיקער פּרעמיער־פּרעזידענט, דאַרף האָבן אי ברייטע פולמאַכטן, אי די רעכט פון צונויפשטעלן דעם קאַבינעט, לויטן אייגענעם איינזען און אָפּקלייב. און ווען מען קומט אַזאַ אויטאָריטאַרער אַמט, אויב נישט אים אַליין, דעם פּראָפעסאָר ידין? למען האמת, נישט אַזוי האָט ער דאָס פאָרמולירט, אָדער גערעדט וועגן דעם מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט. נאָר יעדער וואָס האָט אים געזען און געהערט אין דער טעלעוויזיע, איז אוודאי דערגאַנגען צו אַזאַ מסקנה. (איין צייטונג האָט אפילו זיך דערלויבט צו וויצלען, אַז יגאל ידין וועט זיך איצט באַשעפטיקן מיט אַרכעאָלאָגיע אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג: ער וויל לייגן אין ד'רערד די איצטיקע רעגירונג..).

4

דער פאַל ידין האָט געברענגט מיט זיך אַן אויפרודערונג אין די פּאָליטישע קרייזן און אויך אַקטיוויזירט יענע גענעראלן, וואָס פּאָרלויפיק האָבן זיי זיך באַגנוגנט מיט שטאַמלדיקער קריטיק. אַן אויסנאַם איז געווען אַריק שרון. ער איז טאַקע ברוגז מיטן "ליכוד", נאָר די איצטיקע רעגירונג, בראש פון וועלכער עס שטייט דער מערך פון די צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען, איז אים ווי אַ דאָרן אין אויג. אויף צו שטירצן די רבין־רעגירונג, איז נייטיק צו פאַראייניקן אַלע פּאַרטייען און גרופּן פון "ליכוד" – טענהט אריק שרון. און ווי יעדער גענעראל מיט כאריזמאַטישע איינרעדענישן, דאַרף זיין פּערזענלעכע מיינונג דעצידירן. דערוויל שטייט ער, כאילו, פון דער זייט, אָבער דאָס שטערט

אים נישט אַדורכצופירן אין זיין פאַרם "אַ חברישן צוזאַמענטרעף און מיינונג־אויסטויש" מיט יגאל ידין. ס׳איז קלאָר, אַז מ׳האָט דאָרט גערעדט נישט אַזוי וועגן דער... גערעטעניש פון בוימוואָל, גרינוואַרג און תבואות אויף שרונס פעלדער, ווי וועגן דער "עלעקטאָראַלער גערעטעניש", אויב ס׳וועט געשאַפן ווערן אַ מין "גענעראלן־פאָרמאַציע" צו די כנסת־וואַלן.

5

אויך בעגין האָט עולה־רגל געוועזן צו שרונען ("אַ צוגויפטרעף פון אַ פריינד מיט אַ פריינד" – האָט דערקלערט דער מנהיג פון "ליכוד"), כדי אוודאי פּרובירן אים איבערצייגן, ער זאָל זיך אויפהערן ברוגזן מיט זיין פּאַרטיי, די אַמאָליקע אַלגעמיינע ציוניסטן און היינטיקע ליבעראַלן, און זיך אומקערן צום "ליכוד". לויט ווי די צייטונגען שרייבן, לעבט אַריק שרון מיט דער האָפענונג (און איינרעדעניש), אַז עס וועט פאָרקומען אין לאַנד אַ "נאַציאָנאַלע דערוואַכונג" און ביי די וואַלן צו דער נײַנטער כנסת, וועט מען אים ממש נאָכלויפן... ס׳איז אָנצונעמען, אַז שרון וועט נישט ריזיקירן "צו שפּילן סאָלאָ", בפרט, אַז ער דיספּאָנירט מיט עטלעכע אָפּציעס, ווי: צוריקגיין צום "ליכוד"; פאַרבינדן זיך מיט יגאל ידין; אָדער – מיט משה דיין.

מען שליסט אויך נישט אויס די מעגלעכקייט פון אַ "דרייעק": ידין – שרון – דיין. הגם דער לעצטער געהערט צו דער "העבודה" און רעפּרעזענטירט זי אפילו אין כנסת, האָט ער שוין נישט איינמאָל געוואָרפן דעם גט פאַר די פיס פון זיין פּאַרטיי און גרייט זיך אַפילו אַרויסצוגעבן אַן אייגענע טאָג־צייטונג, אין דער גאָר נאָענטסטער צייט. ערשט נישט לאַנג האָט ער אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט די יוגנטלעכע פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער פּאַרטיי (מפד"ל) אָפן דערקלערט: "אויב ׳העבודה׳ וועט באַשליסן צו ענדערן איר פּלאַטפאָרם, לויט די פאָרשלאַגן פון יגאל אלון – איז מעגלעך אַז כ׳וועל פאַרלאָזן דעם מערך". אָט דאָס הייסט שטעלן העכער דעם אייגענעם איך, איבער באַשטימונגען פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו.

אויך אַזעלכע געוועזענע, און אָן שום ספק פאַרדינסטפולע גענעראלן, ווי אהרון יריב און מאיר עמית, "טאַפּן דעם דופק" און גיבן אָנצוגעהערן וועגן נישט גיין ווייטער אין פּאַרטייאישן געשפּאַן. "אויב ׳העבודה׳ וועט נאָך איר צוזאַמענפאָר נישט אַרויסקומען מיט אַ קלאָרן פּראָגראַם, וועל איר נישט קענען בלייבן אין דער פּאַרטיי" – איז געוועזן יריב׳ס אַ דערקלערונג. (אגב, אויך ער האָט געהאַט אַ "חברישן צוזאַמענטרעף" מיט ידינען). און מאיר עמית, הויפּט־דירעקטאָר פון הסתדרותישן אינדוסטריע־קאָנצערן "כור", לויבט ידינען – נישט אַזוי פאַר יענעמס פּאָליטישע אָנשויונגען, ווי "זיין נייער וועג אויף וועלכן ער גייט, מיטן ווילן אַוועקצושטעלן מענטשן, וואָס געניסן פונעם צוטרוי פון דער געזעלשאַפט"...

פאַרשטייט זיך, אַז נישט נאָר יריב און עמית, האָבן "געכאַפּט אַ שמועס" מיט יגאל ידין. בכלל האָט מען צו דעם פּראָפעסאָר־אַרכעאָלאָג אָנגעהויבן עולה־רגל זיין: די קלענערע גרופּן און פּאַרטייען ("שינוי", שולמית אלוני, ליאָווא אליאב, זעלבשטענדיקע ליבעראלן אאנ"ד). זיי האָבן אַ סיבה צו זיין באַזאָרגט, אויב גענעראלן וועלן זיך שטעלן צום וואַל־פּאַרמעסט און באַדראָען די איצטיקע, אַזוי־אויך נעבעכדיקע צאָל מאַנדאַטן זייערע אין כנסת. עס זענען אויך געוואָרן אַקטיוו געוויסע פּאָליטישע מעקלערס און קאָכלעפל, וואָס שדכענען שידוכים און מאַכן פאַרשיידענע ספּעקולאַציעס מיט קאָמבינאַציעס צו די פאָרשטייענדיקע פּאַרלאַמענט־וואַלן, וואָס דאַרפן פאָרקומען ערשט אין האַרבסט 1977.

6

נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, איז אין ישראל געוואָרן אַ מין "אויסכאַפּעניש" אויף קאָלאָנעלן און גענעראלן. מ׳האָט זיי געוואָלט האָבן אויף די העכסטע אָנפירנדיקע אַמטן אין גרויסע אונטערנעמונגען, קאָמפּאַניעס און געזעלשאַפטן. אויך פּאַרטייען האָבן געגלייבט אינעם "עלעקטאָראלן כוח" פון אויסגעדינטע מיליטער־לייט פון הויכן ראַנג. דאַקעגן נאָך דער יום־כיפּור מלחמה, זענען זייערע "אַקציעס" עטוואָס געפאַלן. משה דיין איז געוואָרן אויס מיניסטער – ווייל אַזאַ איז געוועזן דער ווילן פונעם פאָלק, און עטלעכע גענעראלן האָבן געמוזט דעמיסיאָנירן, ווייל אַזאַ איז געוועזן דער באַשלוס פון דער אַגראַנאַט־קאָמיסיע. פון דער יום־כיפּור מלחמה זענען שוין

פאָריבער אַ דריי יאָר. די וואָס האָבן אַמאָל באַשטימט, אָנגעפירט און אויך געזיגט אויף די שלאַכטפעלדער, לעבן אוודאי מיט דער סוגעסטיע, אַז ענלעכע גענג לאָזן זיך איבערחזרן אויפן פּאָליטישן שאַך־ברעט פון ישראל.

זענען טאַקע די דערמאָנטע גענעראַלן, מיט אַלע זייערע מעלות טובות, מסוגל צו געבן אַן ענטפער אויף די ברענענדיקע פראַגן, מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך די מדינה? איז טאַקע ישראל דאָס לאַנד צו פלעגן פערזאָנען־קולט, צי פאַרלאָזן זיך אויף "שטאַרקע מענטשן" אָדער "סטאַרן"? איז דערלאָזבאַר, אין אונדזערע באַדינגונגען, אַז דאָס אָרט פון אידעישע באַוועגונגען, זאָלן פאַרנעמען פערזענלעכקייטן, וואָס געהערן נישט דערווייל צו דער קאַטעגאָריע וויזיאָנערן, טרוימער, אידעאַליסטן?

7

די היסטאָרישע דערפאַרונג האָט באַוויזן, ביי אונדז, ווי ביי די אומות העולם, אַז דער וואָס זאַלבט זיך ווי דער מלאך הגואל, צי באַפרייער, איז נישט תמיד דער רעטער אָדער דערלייזער. וואָס שייך דעם פּראָפעסאָר יגאל ידין, בעט זיך דאָ צו ציטירן קאַרל מאַרקסן: "די פּראָפעסאָרן ווייסן ווי אַזוי קאָמענטירן די וועלט, אָבער אויף אונדז, רעוואָלוציאָנערן, ליגט די אויפגאַבע זי צו ענדערן". פונקט ווי ס'איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז נאָר קאָנסערוואַטיוון אָריענטירן זיך אויף גענעראַלן. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, הלמאי דער רעכטער לאַגער אין ישראל איז אין אַ גרויסער מאָס אָריענטירט אויף די וואָס זענען אַרומגערינגלט מיטן אָרעאָל פון מיליטערישע נצחונות.

דעם אמת געזאָגט, וויל דער עולם אַן ענדערונג, ער שטרעבט צום בעסערן. אונדזער עולם איז אָבער נישט קיין גולם און ווייסט, אַז די וואַל־הוידלקע אין ישראל ווערט טאַקע אַלע פיר יאָר געלאָזט אין גאַנג, זי באַוועגט זיך אַראָפּ און אַרויף, אָבער דערגרייכט קיינמאָל נישט צו הימלגרייכנדיקע הויכקייטן צו ענדערן אויף אַ ראַדיקאַלן אופן דעם צוזאַמענשטעל פון דער כנסת. יעטוועדע **נייע** פּאָליטישע קאָנסטעלאַציע דאַרף דערגרייכן, מינדעסטנס אַ 12 – 15 מאַנדאַטן, כדי קענען דינען ווי דאָס צינגל פון אַ נייער קאָאַליציע־וואָגשאָל צווישן מערך און ליכוד – מיט אָדער אָן די רעליגיעזע פאַרטייען. עס פעלן נישט אויס אין לאַנד פּאָטענציעלע מנהיגים, מיט גענעראַל־שליפעס, צי אָן זיי – נאָר ביזן דערגרייכן אַ וואַל־דערפאָלג, שוין אָפּגערעדט פון אַ נצחון – איז זייער ווייט.

8

אויף אַלע נצחונות וועלכע ישראל האָט אָפּגעהאַלטן אין אירע מלחמות, האָט מען ריכטיק געזאָגט, אַז געזיגט האָט "דער גענעראַל אין ברירה" ("נישטאָ קיין ברירה"). דאַקעגן אויף די פּאָליטישע פראָנטן פון דער מדינה איז **פאַראַן די ברירה** פון אָנטרויען דעם מלוכהשן רודער אין די הענט פון מענטשן, וואָס רעפּרעזענטירן אידעאָלאָגיעס, באַוועגונגען, דערפאַרונג און אחריות – און בשום אופן נישט צו כאריזמאַטישע און אַמביציעזע מיליטער־לייט, אפילו ווען זיי ווילן דאָס אַלץ דערגרייכן אויף דעמאָקראַטישע וועגן.

נישט פון זיי, די גענעראַלן, וועט ישראל געהאָלפן ווערן!

(7.7.76 ,י"ש ת"א)

# עליה, קליטה און די חורב־קאָמיסיע

מיט אַ צייט צוריק האָט די ישראל־רעגירונג באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, בראש מיטן גענעראַל (אין רעזערוו) עמוס חורב, דירעקטאָר פון דער פּאָליטעכנישער הויכשול אין חיפה, זי זאָל אַלזייטיק פאָרשן דאָס פּראָבלעם פון אויפנעמען און איינאָרדענען נייע עולים. איז די דאָזיקע קאָמיסיע געזעסן עטלעכע חדשים, אויסגעפרעגט און נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער אַבסאָרבציע – און דערלאַנגט אירע מסקנות דער סוכנות און דער רעגירונג. די כנסת האָט די ערשטע באַהאַנדלט דעם באַריכט און זיך באַגנוגנט מיט אַ פאַרלאַמענטאַרישער דעבאַטע. אויך די סוכנות

האָט שוין געגעבן איר פולע צושטימונג די רעקאָמענדאַציעס פון דער חורב־קאָמיסיע. וואָס שייך דער רעגירונג, וואָס איר געהערט ״דאָס לעצטע וואָרט״ אין דער פראַגע, האָט פּרעמיער יצחק רבין דערקלערט די טעג אין כנסת, אַז אין משך פון 2 – 3 חדשים, וועלן זיין ענטגילטיקע באַשלוסן. דער ענין איז אַ קאָמפּליצירטער. דער באַריכט פון דער חורב־קאָמיסיע ווערט איצט באַטראַכט אַלזייטיק, באַזאַמען מיטן מעמאָראַנדום פונעם קליטה־מיניסטער.

1

ציניקער טענהן, אַז אויב אַ רעגירונג אָדער וועלכע ס'איז אינסטאַנץ וויל זיך באַפרייען, צי אָפּלייגן די אַנטשיידונג פון אַ געוויסן פּראָבלעם – ״באַגראָבט מען דעם ענין אין אַ קאָמיסיע״, ד. ה. ער ווערט איבערגעגעבן אַן עקיפ פון ספּעציאַליסטן צו אויטאָריטעטן זיי זאָלן באַהאַנדלען און פאָרשן, באַשליסן און פאָרלייגן, אָפּטמאָל – אָן אַ בפירושער התחייבות אַז אַלץ וועט ווערן אַדורכגעפירט. נאָר וואָס שייך דער חורב־קאָמיסיע, אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז מ'איז נישט אויסן געווען צו פאַרטושן אָדער זיך ״אַנטלאַסטן״ פון אַזעלכע צוויי צענטראַלע פּראָבלעמען פון דער מדינה, ווי עליה און קליטה. אַלע אָן אויסנאַם קאַבינעט־מיטגלידער און די ציוניסטישע אינסטאַנצן האָבן אויפריכטיק געשטרעבט צו געפינען עפעקטיווע לייזונגען און שנעלע ענטפערס ווי אַזוי בעסער און לייכטער אויפנעמען דעם עולה, וואָס שטעלט זיינע ערשטע טריט אין לאַנד.

עס זענען געווען דערצו עטלעכע וויכטיקע סיבות:

די אָפטע רייבונגען און ״קאָמפּעטענצן־מחלוקת״ צווישן דער עליה־אָפּטיילונג פון דער סוכנות און דעם קליטה־מיניסטעריום.

די באַדייטנדיקע צאָל אָנקלאַגעס פון עולים אויף דערשיינונגען פון ביוראָקראַטיע, אָפּשלעפּעניש און פלאָנטער ביים דערליידיקן זייערע ענינים אין דער סוכנות און אין די מלוכהשע אַמטן און אינסטיטוציעס.

די פאַרקלענערטע עליה און פאַרגרעסערטע ״ירידה״.

אויך די פראַגע פון פּרעסטיזש האָט געשפּילט אַ נישט קליינע ראָל ביים צולאָזן אַ ״צווייטע מחשבה״ צי איז געווען באַרעכטיקט (און כדאי) צוצונעמען פון דער סוכנות די פונקציעס פון קליטה, ווייל די עליה האָט תמיד געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויך נאָכן אַנטשטיין פון משרד הקליטה.

פאַר די 28 יאָר עקזיסטענץ פון דער מדינה, איז דאָס קליטה־מיניסטעריום ״אַלט״ נישט מער ווי 8 יאָר. פון 1948 ביז 1968 האָט מיט דער עליה און אַבסאָרבציע, פאָרמעל און פּאַקטיש, זיך פאַרנומען די סוכנות. ס'איז אָבער נישט קיין סוד, אַז דער אויפנעם און איינאָרדענונג פון אַ קאַרגן מיליאָן עולים אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר, איז געווען די עיקרדיקע לאַסט, אויפגאַבע און אחריות פון די מלוכהשע אָרגאַנען. דער דאָזיקער מאָמענט, ווי די פריער דערמאָנטע (אין באַצוג צו דער סוכנות) האָבן בשעתו באַוויגן אַן אַנדערע קאָמיסיע, בראש מיט יצחק בן־אהרון, פאָרצולייגן וועגן שאַפן אַ קליטה־מיניסטעריום וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט דער אַבסאָרבציע, ווייל מיטן אָנקום פון עולה אין לאַנד און ווערן אַ בירגער, לייגט זיך אויפן שכל, אַז מיט זיינע פּראָבלעמען זאָלן זיך פאַרנעמען נאָר ישראלדיקע אַמטן. אויפן סמך פון יענער רעקאָמענדאַציע, איז טאַקע געשאַפן געוואָרן אַזאַ מיניסטעריום, מיט וועלכן ס'האָבן ביז איצט אָנגעפירט: שמעון פּרס, יגאל אלון, נתן פּלד און דער היינטיקער קליטה־מיניסטער – שלמה ראָזען.

2

ציפערן און פאַקטן דערציילן, אַז אין די יאָרן 1968 – 1976 האָט דאָס קליטה־מיניסטעריום זיך באַשעפטיקט מיטן אויפנעם און איינאָרדענונג פון 300.000 עולים און אַז העכער 75% פון זיי זענען צופרידן פון דער אַבסאָרבציע. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן די חורב־קאָמיסיע פאָרצולייגן דער רעגירונג זי זאָל אָפּשאַפן דעם משרד הקליטה און אויך אויפלייזן די עליה־אָפּטיילונג פון דער סוכנות – און אויף זייער אָרט אויפשטעלן אַן אינסטאַנץ פאַר עליה און קליטה. די קאָמיסיע מאָטיווירט איר באַשלוס מיט דער נייטיקייט פון המשך און פאַרבינדונג צווישן דער עליה און קליטה, ווי אויך ״צוליבן דורכפאַל פון אַבסאָרבציע־מיניסטעריום, וואָס האָט נישט באַוויזן אַדורכצופירן זיין עיקרדיקע אויפגאַבע״.

די וואָס זענען באַהאַוונט אין די ״קליינע אותיות״ פון די מסקנות פון דער בן־אהרון קאָמיסיע מיט 8 יאָר צוריק און מיט די איצטיקע רעקאָמענדאַציעס פון דער חורב־קאָמיסיע, זענען גרייט צו שווערן, אַז בעצם זענען אין ביידע דאָקומענטן פאַראַן כמעט די זעלבע טענות, באַשולדיקונגען, אַרגומענטן, מסקנות און רעקאָמענדאַציעס, וועלכע האָבן בשעתו דערפירט צום איבערגעבן די צוויי וויכטיקע ענינים אין די הענט פון דער רעגירונג, און איצט – צוריק צו דער סוכנות. אַז מען וויל, איז עס אפשר אַ טעמע פאַר אַ פעליעטאָן אָדער בייזוויליקע קריטיק, ווי דאָס האָבן זיך דערלויבט אייניקע צייטונגען. דער שרייבער פון די שורות איז אָבער ביי דער מיינונג, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אומאויפהערלעך זוכעניש, גערנאַגל, מחשבה און עקספּערימענטן ווי אַזוי זיך אַן עצה געבן, אויפן בעסטן אופן, מיט דער עליה און קליטה. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז מיר זענען נאָך אַלץ אַ פאָלק ״אין ווערן״ און אַז אויך די מדינה האַלט זיך אין איין פאָרמירן און פּראָגרעסירן. די שטרעבונג צו נייס, צו בעסערס – איז תמיד לעגיטים, און אויך – געוואונטשן.

נאָך עפּעס: בעת אין אַלע אימיגראַציע־לענדער, אָדער אין זייער רוב, איז די אַבסאָרבציע פון די ניי־געקומענע געווען אַן אינדיווידועלע, יעדער האָט זיך באַדאַרפט אַליין פאַרזאָרגן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, אויסגעפונען אַרבעט און אַ שול וווּ די קינדער זאָלן לערנען – איז דער אויפנעם פון עולים אין ארץ־ישראל און אין מדינת ישראל תמיד געווען אַ נאַציאָנאַל־מלוכהשע אויפגאַבע. די סוכנות, די מדינה האָבן ממש אויף טריט און שריט באַגלייט דעם נייעם עולה, געהאָלפן לייזן דעם רוב זיינע פּראָבלעמען מיט ראַט און טאַט, מיט אַ דירה און באַשעפטיקונג, מיט געלטשטיצע, שטייערן־הנחות און אַנדערע פאַרלייכטערונגען.

3

אין די לעצטע יאָרן זענען פאָרגעקומען געוואַלטיקע ענדערונגען אינעם צוזאַמענשטעל פון די עולים, זייערע אָפּשטאַם־לענדער, סיבות פאַר עליה. במילא זענען די פאָדערונגען זיך איינצואָרדענען גאָר אַנדערע. געננג צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז פון די 110 טויזנט עולים פון ראַטנפאַרבאַנד, זענען 40% אַקאַדעמיקערס. אויב די מאַסן־עליה אין די ערשטע יאָרן נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה האָט נישט געהאַט קיין גרויסע פאַרלאַנגען און זיך באַגנוגנט מיט די באַשיידענע מיטלען וועלכע די רעגירונג און די סוכנות האָבן זיי בשעתו אונטערגעטראָגן, ווי לייוונטענע געלטן, בלעכענע אדער הילצערנע באַראַקן מיט אַן אייזערן בעטל אין די מעברות (איבערגאַנג־לאַגערן) – אַזוי טרעפט היינט, אַז געוויסע עולים זענען גרייט ״צו גיין אויף באַריקאַדן״ צוליב נאָך עטלעכע קוואַדראַט־מעטער פון דער צוגעטיילטער, נייאויפגעבויטער דירה, אָדער פירן אַ זיץ־שטרייק אויפן עראָפּאָרט אין לוד, ווי נאָר ער לאַנדעט אין ישראל, אַז מ׳זאָל אים געבן אַ וווינונג אין צענטער פון לאַנד (לייען: תל־אביב און אומגעגנט).

קיינער וויל נישט אָפּפרעגן די רעכט פונעם אָקערשט געקומענעם צו פאַרלאַנגען וואָס בעסערע באַדינגונגען, בפרט נאָך, אַז זיי זענען במילא גאַראַנטירט, אין אַ גאַנץ אָנגעזעענער מאָס, מיט אַנטשפּרעכיקע געזעצן און פאָרשריפטן; קיינער וויל אויך נישט באַשולדיקן די עולים, אַז זיי טראַכטן סתם אויס בלבולים אויף אייניקע באַאַמטע פון קליטה־מיניסטעריום און פון דער סוכנות, הלמאַי זיי ווייזן אַרויס האַרצלאָזיקייט און שטייפקייט. קיינער דאַרף אָבער נישט זיין ביי דער מיינונג, אַז יעדער אָן אויסנאַם עולה איז תמיד גערעכט מיט זיינע טענות און פאָדערונגען.

קאָנפליקטן, צוזאַמענשטויסן, פאַרביטערונגען (טיילמאָל – ביז יאוש), זענען אפשר אומפאַרמיידלעך צוליב געוויסע פּקידים. אַ סך איז שוין גערעדט און געשריבן געוואָרן וועגן די חבלי־לידה פונעם נייעם עולה. ס׳איז אָבער נישט ריכטיק, אַז דאָס אַלץ איז געבליבן ווי אַ קול קורא במדבר. עס זענען איינגעפירט געוואָרן באַדייטנדיקע ענדערונגען צום גוטן. פונעם קליטה־אַפּאַראַט פאָדערט מען נישט נאָר ״אָפּהיטן די קאָנסטיטוציע״, נאָר אויך אַרויסווייזן שכל, האַרץ און געפיל; אַז ער זאָל אויפנעמען דעם פּעטענט מיט אַ שמייכל, געדולד, איינזען און אויפקלערונג. אָבער נישט תמיד שטויסט מען זיך אָן אויף דעם אידעאַלן פקיד – און נישט איין ״יורד״, וואָס האָט זיך רעכט נישט אָנגעוואַרעמט פון דער ישראלדיקער זון, פאַרלאָזט דאָס לאַנד מיטן אויסרייד פון שלעכטער באַהאַנדלונג, הגם ר׳איז גאָרנישט זיכער, צי אויפן נייעם אָרט וועט אים דער אַמעריקאַנער צי קאַנאַדער באַאַמטער אויפנעמען שענער און בעסער...

4

ס׳איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז כדי עולה צו זיין און אויך בלייבן אין ישראל, מוז "דאָס פּינטעלע ייד" און די ליבשאַפט צום לאַנד דאָמינירן איבער אַלעמען. די געשיכטע פון דער מענטשהייט ווייסט פון אַ סך פעלקער־וואַנדערונגען, וועלכע האָבן געענדערט די מאַפּע פון דער ציוויליזאַציע, אָבער דאָס וואָס ס׳איז פּאַרגעקומען מיט דער יידישער עליה קיין ארץ־ישראל און אין מדינת ישראל – האָט נישט אירס גלייכן מיט אַנדערע פעלקער און לענדער. די "יידישע געאָגראַפיע" און דעמאָגראַפיע האָט זיך ראַדיקאַל געגומען ענדערן מיטן היסטאָרישן אָנהייב אין יאָר 1882 אַ דאַנק דער עליה פון די ערשטע בילו״יים (בית יעקב לכו ונלכה – "הויז פון יעקב קומט און לאָמיר גיין", ישעיה ב׳) קיין ארץ־ישראל, מיט דער בפירושער כוונה און ציל זיך אומצוקערן אַ היים און טאַקע אויך שאַפן אַ יידישע מדינה. פון יענער צייט האָבן כמעט אָן איבעררייסן געשטראָמט אַהער יידן פון פאַרשידענע לענדער און קאָנטינענטן – ווי יחידים, אין גרופן אָדער אין גרויסע כוואַליעס. אַמאָל – געשטויסן דערצו פונעם אידעאַליסטישן, וואָלונטערן ציוניזם; אַמאָל – אין רעזולטאַט פון פּאָליטישע צי עקאָנאָמישע אויפטרייסלונגען אין זייערע וווין־לענדער; צי אויך – ביידע סיבות זענען געווען די טרייב־קראַפט צו שיבת ציון.

נאָר אָן ספק, אַז די אַנטשיידנדיקע מאָטיוואַציע ביי די עולים איז געווען דער נאַציאָנאַלער מאָמענט, באַזונדערס אין צייטן פון מאַטעריעלער נויט און אַנטי־יידישע רדיפות. די וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט די דאָזיקע מאָטיוואַציע, האָבן געזוכט גליקן אומעטום, אויסער אין ארץ־ישראל. אַזוי איז געשען אין די צייטן פון דער טערקישער ממשלה אין לאַנד, אין די יאָרן פון דער בריטישער מאַנדאַטאָרן־מאַכט און אפילו אויך אין די לעצטע 28 יאָר, ווען מדינת ישראל האַלט ברייט צעעפנט אירע טויערן פאַר עליה. אין אַלע צייטן האָט די עמיגראַציע איבערגעשטיגן די עליה. אין די יאָרן 1882 – 1914, ווען 2 מיליאָן 367 טויזנט יידן האָבן פאַרלאָזט אייראָפּע, האָבן 3% פון זיי זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. מיט אַ 50 יאָר שפּעטער, אין 1961 – 1962, נאָך דעם ווי 100 טויזנט יידן האָבן פאַרלאָזט אַלזשיריע, זענען פון דאָרט געקומען אַהער נישט מער ווי קנאַפּע 8000 עולים. דערפון אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט "סאָציאַלע פאַלן". דעריבער דאַרף מען היינט זיך נישט וווּנדערן, אויב מער ווי אַ העלפט יידן וואָס זענען אַרויסגעפאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד מיט ישראלדיקע וויזעס, ווילן נישט איבערטרעטן די שוועל פון דער מדינה און וואַרטן אין ווין (אָדער אין רוים) אויפן לחם חסד פון "היאס" און "דזשאָינט".

ווי דערמאָנט, האָט די עליה זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט. אפילו ווען די טערקן האָבן געהערשט אין לאַנד, זענען געקומען אַ 60 – 70 טויזנט עולים. אין דער תקופה פון בריטישן מאַנדאַט מיט זיינע האַרבע באַגרענעצונגען און גזירות, האָבן מיר זוכה געווען צו 453 טויזנט עולים. און פאַר די 28 יאָר יידישע מדינה זענען געקומען אַנדערהאַלבן מיליאָן עולים פון איבער הונדערט לענדער! ביזן היינטיקן טאָג דערמאָנט מען מיט שטוינונג און שטאָלץ די מאַסן־עליה פון מאי 1948 ביז סוף 1951 מיט אירע 687 טויזנט יידן, וואָס האָבן געשטראָמט אַהער פון דער חרובער אייראָפּע, צי פון תימן (45 טויזנט), איראַק (123 טויזנט), ליביע (31 טויזנט) און נאָך טויזנטער פון פּערסיע, טערקיי, מאַראָקאָ, טוניס, אַלזשיריע, מצרים, אינדיע, אַביסיניע. גאַנצע גלותן האָבן זיך אויפגעלייזט.

ווייל ארץ־ישראל, מדינת ישראל, ציוניזם, חלוציזם – איז תמיד געווען פאַרבונדן מיטן עליה (אויפשטייג), בעת עמיגראַציע האָט געמיינט איבערוואַנדערונג פון איין לאַנד אין צווייטן, פאַרבייטן איין גלות אויף אַן אַנדערן. די דאָזיקע אמתן זענען אויך גילטיק אין דער איצטיקער תקופה, ווען מיר באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון עליה און קליטה, אַרום וועלכע עס ווערט אַזוי פיל דעבאַטירט אין לאַנד.

5

יוסף אלמוגי, פּאַרזיצער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וואָס איז זייער צופרידן מיט די מסקנות פון דער חורב־קאָמיסיע, איז ביי דער מיינונג, אַז עס רעדט זיך נישט וועגן דעם וועלכע אָפּטיילונג איז בעסער – די פון דער סוכנות, צי די פון קליטה־מיניסטעריום; צי איז עפעקטיווער

און צוועקמעסיקער די מלוכהשע ראַם, אָדער די סוכנות׳ישע. דער עיקרדיקער ויכוח איז אַרום דער פראַגע: וועלכער **סיסטעם** איז דער בעסטער אויף צו פירן די עליה־ און קליטה־פּאָליטיק. די חורב־קאָמיסיע האָט די ערשטע געפּאָדערט איינהייטלעכקייט און קאָמפּאַקטקייט ביים פאַרנעמען זיך מיטן עולה. דאָס איז אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג.

דאַקעגן דער קליטה־מיניסטער שלמה ראָזען וואַרפט אָפּ די עיקרדיקע רעקאָמענדאַציעס פון דער חורב־קאָמיסיע צוליבן איבערגעבן די שליטה איבערן עולה דער סוכנות, וועלכע איז אָפּגעריסן פון מלוכהשער אחריות, פּאַרלאַמענטאַרישער אויפזיכט און השגחה פונעם מדינה־קאָנטראָלער. מיניסטער ראָזען גלייבט, אַז די רעגירונג וועט אין איר באַשלוס זיך ריכטן מיט זאַכלעכע מאָטיוון, אָן וועלכע ס׳איז פּערזענלעכע, פּאַרטייאישע צי קאָאַליציע־ חשבונות. ״דאָס קליטה־מיניסטעריום האָט געהאַט די אינטעגראַטיווע זאָרג פאַרן עולה, קאָאָרדינירט זיינע ענינים פון אַרבעט, וווינונג, דערציונג, בילדונג און נאָענטקייט צו דער משפּחה״.

ווי געזאָגט, דאַרף די רעגירונג אַנטשיידן צי זי נעמט אָן אָדער זי וואַרפט אָפּ די רעקאָמענדאַציעס פון דער חורב־קאָמיסיע. אין ערשטן פאַל – ווערט אויס מיטן קליטה־מיניסטעריום און אויס מיט דער עליה־אָפּטיילונג פון דער סוכנות. אַ געזעלשאַפטלעכער ראַט פון 100 פּערזאָן וועט באַשטימען די עליה־און קליטה־פּאָליטיק, בעת די רעאַליזירונג וועט ליגן אין די הענט פון פאַרטרעטערס פון די גענעראַל־דירעקטאָרן פון די באַרופענע מיניסטעריומס; אין צווייטן פאַל – בלייבט אַלץ ביים אַלטן, ד. ה., אַז מיט דער עליה וועט זיך פאַרנעמען די סוכנות און מיט דער אַבסאָרבציע – דאָס קליטה־מיניסטעריום.

דער פאַרבאַנד פון די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד איז ביי דער זעלבער מיינונג ווי מיניסטער ראָזען: דאָס קליטה־מיניסטעריום דאַרף ווייטער דערפילן זיינע אויפגאַבן.

אָן שום ספק, אַז די אַלע אָן אויסנאַם צדדים וואָס באַטייליקן זיך אין דעם איצטיקן ויכוח, מיינען די טובה פון דער עליה, פון דער קליטה און דער עיקר – פונעם נייעם עולה. אונדז בלייבט דערוויל איבער צו ווינטשן זיך:

אַ פיל גרעסערע עליה ווי אין דער איצטיקער צייט, און אַן אָפּשטעל פון דער ״ירידה״;

אַז די רעגירונג זאָל בקרוב דאַרפן באַשטימען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו טיילן אויסצייכענונגען יענע אינסטאַנצן און באַאַמטע, פאַר זייער גוטער אַרבעט אויפן געביט פון עליה און קליטה...

(י״ש ת״א, 22.12.76; פא״צ י־ם, דעצ׳ 76׳)

# אַ טרויעריקע ״שמחה״

אויף אַ שטח פון 500 דונאַם, געדיכט באַוווינט פון אַ 60 טויזנט נפשות, אָפּשטאַמיקע דער עיקר פון די אַפראָ־אַזיאַטישע לענדער, ליגט זיך דער דרומדיקער קוואַרטאַל פון תל־אביב, וועלכער טראָגט דעם פיל־זאָגנדיקן נאָמען שכונת התקווה. אין דער העלפט פון נאָוועמבער 1974 זענען דאָרט פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס און עקסצעסן (צום פינפטן מאָל אין משך פון 6 יאָר, און כמעט אַלע – אין שייכות מיט פוטבאָל), מיט אַ סך צעבראַזגעטע שויבן, ראַבירטע געשעפטן, פאַרשטאָפּע וועגן און באַשעדיקטע אויטאָס. מיט איין וואָרט – ס׳איז געווען ״שמח״ (״פריילעך״), אויב באַניצן זיך מיטן סאַברישן סלענג, ווי דאָס ווערט געטאָן אין אַזעלכע פאַלן.

ליידער, האָט די דערמאָנטע ״שמחה״ אין שכונת התקווה אַרויסגערופן אַ סך טרויעריקע מחשבות, אומעטיקע פראַגן און סקעפּטישע תשובות דערפאַר, ווייל גרויס זענען נאָך די סאָציאַלע נויטן אין דער מדינה; אויך צוליב די אַרויסטרעטונגען פון די ״שוואַרצע פּאַנטערס״ און דער גרייטקייט פון אַ טייל יוגנטלעכע ״צו גיין אויף באַריקאַדן״ איבער אַ נישט־צושטאַנד געקומענעם פוטבאָל־מעטש.

**כבוד און... כּאַשיש**

דעם שטויס צו די גאַסן־אַרויסטרעטונגען האָט געגעבן דער אָפּגערופֿענער דורכן ריכטער פֿוטבאָל־פּאַרמעסט צווישן דער אָרטיקער מאַנשאַפֿט "בני־יהודה" און דעם קלוב "הכוח" פֿון רמת־גן, מיטן מאָטיוו, אַז אויפֿן סטאַדיאָן איז נישטאָ קיין גענוגנדיקער פּאָליצייאישער כּוח אָפּצוהיטן די אָרדענונג. דער בטל־געוואָרענער מעטש האָט שווער געטראָפֿן אין די "ספּאָרט־געפּילן" פֿון די ענטוזיאַסטישע אָנהענגערס פֿון "בני־יהודה", דאָס געצערטלטע קינד פֿון דער שכונה – און די אַנטוישונג און פּראָטעסט האָבן תּיכף באַקומען זייער אויסדרוק אין אונטערצינדן אַ פּאָליציי־אויטאָ, אין אויסהאַקן שויבן אין דער שטאָטישער אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ און אין אַ באַנק. אָנשטאָט דעם געראַנגל פֿון פּיס איבערן באַלעם, האָט אויף די גאַסן פֿון "התקווה" זיך אָפּגעשפּילט אַן אַנדערער פּאַרמעסט, מיט הענט, צווישן יוגנטלעכע היצקעפּ און קינדער קעגן די היטערס פֿון אָרדענונג. די פּאַטריאָטן פֿון "בני־יהודה" האָבן אויף זייער שטייגער רעאַגירט קעגן דעם באַרויבטן פֿאַרגעניגן צו זען שבת נאָכמיטיק אַ מעטש צווישן זייערע "פֿייוואָריטן" און דעם רמת־גנער קעגנער.

פֿאַראַן אַ סך איבערגעטריבנקייט אינעם ווערטל, אַז אַ פֿוטבאָל־שפּילער האָט דעם גאַנצן שׂכל אין די פּיס. דער אמת איז דער, אַז די וואָס קאָפּען דעם באַלעם, באַניצן זיך מיט ניט ווייניק שׂכל פֿונעם קאָפּ. דאַקעגן די הונדערטער און טויזנטער קיביצער־צושויערס, וואָס אַליין שפּילן זיי נישט, פֿאַלן אַריין אין אַן ענטוזיאַזם און האַזאַרד פֿון יענעמס "פּיס־קונסט" און גראָד זיי פֿאַרפֿירט אָפּט דער שׂכל הישר. נישט איינמאָל זענען מיר עדות פֿון זייער ברוטאַלער אַריינמישונג אויפֿן סטאַדיאָן גופֿא, אַזוי, אַז דער ריכטער צי געוויסע שפּילערס דאַרפֿן זיך ראַטעווען פֿון אַ לינטש. דאָסמאָל האָט מען אין שכונת התקווה אויסגעלאָזט דעם כּעס צו אַנדערע, גאָט די נשמה שולדיקע, אָביעקטן. 4 נעכט נאָכאַנאַנד האָט מען אין דער שכונה גופֿא און אויף דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע אין תּל־אביב און אַרומיקע גאַסן געהאַקט שוי־פֿענצטערס, באַוואָרפֿן מיט שטיינער די פּאָליציי און סתּם פֿאַרבייגייערס.

דערווייל האָט אויך די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג געשאַפֿן אַ גינסטיקן באָדן צו פּראָטעסטירן און דעמאָנסטרירן קעגן דער דעוואַלואַציע, קעגן אָפּשאַפֿן די סובסידיעס אויף די וויכטיקסטע שפּייז־אַרטיקלען און קעגן דעם יקרות, וואָס האָט אַזוי אומגעריכט זיך אַראָפּגעלאָזט יענעם שבת־צו־נאַכטס אויף די קעפּ פֿון כּלל ישׂראל. נאָר אויב דער פּראָטעסט קעגן בטל געוואָרענעם פֿוטבאָל־מעטש איז געווען אַ ריין אינערלעכער ענין פֿון די איינוווינערס פֿון שכונת התקווה, זענען אָבער די אַרויסטרעטונגען קעגן יקרות שוין געווען גיכער אַ רעזולטאַט פֿון אויסערלעכער אַריינמישונג און העצע מצד די "שוואַרצע פּאַנטערס".

– דער ענין פֿון פֿוטבאָל בכלל און פֿון "בני־יהודה" בפֿרט, איז פֿאַר דער יונגער חבֿרה פֿון שכונת התקווה אַ פֿראַגע פֿון כּבֿוד. טרעפֿט מען מיט עפּעס זייער פֿוטבאָל־מאַנשאַפֿט, גלייך וואָלסט זיי באַליידיקט אויפֿן ברוטאַלסטן אופֿן – האָט דערקלערט אַ סוחר פֿון אַ דעמאָלירטן געשעפֿט. און אַ צווייטער קרבן פֿון די עקצעסן האָט אַזוי געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם ענין: – פֿוטבאָל איז דער "כּאַשיש" פֿון שכונת התקווה. נעמסטו צו דעם סם, טאָ זע וואָס דאָ קומט פֿאָר. די שפּעטערדיקע אַרויסטרעטונגען קעגן יקרות זענען בלויז געווען אַ באַגלייט־דערשיינונג, אַ געלעגנהייט ווייטער צו טומלען און "מאַכן פֿריילעך".

צום באַדויערן, איז פֿאַראַן אַ סך אמת אין די אויבנדערמאָנטע רייד. ביי גרויסע טיילן פֿון אונדזער יוגנט, בפֿרט פֿון די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן, איז דער באַלעם געוואָרן אַן ענין פֿון כּבֿוד, ליידנשאַפֿט און... טאָטאַליזאַטאָר. פֿוטבאָל האָט ביי זיי פֿאַרנומען דאָס אָרט פֿון פֿאַרשטויסענע אידעאַלן און אויסגעלאַכטע ווערטן. דעם דאָזיקן טרויעריקן פֿאַקט וועלן ניט פֿאַרדעקן דעמאָנסטראַציעס מיט פּסעוודאָ־סאָציאַלע לאָזונגען און אויסהאַקן שויבן.

## אַ פרעמדער נאָמען, פאַלשע וועגן

ווי דערמאָנט, זענען ביי דער „צווייטער רונדע" דעמאָנסטראַציעס אין התקווה, דערשינען די „שוואַרצע פּאַנטערס". בדרך־כלל באַווייזן זיי זיך תמיד ביי אַזעלכע סיטואַציעס, כדי אונטערוואַרעמען דאָס פייער און דערביי אָפּקאָכן אַן אייגן געקעכטס. ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זיך באַוויזן אין ישראל די אָרגאַניזאַציע מיט דעם אימפּאָרטירטן פון אַמעריקע נאָמען „שוואַרצע פּאַנטערס". די איניציאַטאָרן פון דער באַוועגונג האָבן זיך ניט געוואָלט נעמען די אינטעלעקטועלע מי אויסצוגעפינען אַ היימישן נאָמען, תוצרת הארץ. אַזוי אויך האָט מען זיך געפוילט נאָכצוזוכן די אַנטשפּרעכיקע אידעישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע רעם צווישן גענוג רייכן פּאַרטייען־אויסוואַל אין ישראל. מ'האָט פּשוט געוואָלט לעבן פון גרייטן, דערצו נאָך פון אַזאַ „מאָדעל" וואָס שטאַמט פון די פּאַר. שטאַטן.

ס'וועט נישט זיין איבעריק צו דערציילן, אַז שלום כהן (פון איראַק), וואָס האָט באַוויזן אַריינצוגיין אין כנסת צוזאַמען מיט אורי אבנרי (אַ געבוירענער אין דייטשלאַנד), אונטער דער „פירמע" פון דער דורך זיי רעדאַקטירטער פּאָליטיש־פּאָרנאָגראַפישער וואָכנשריפט „העולם הזה", מיט דער צוגאַבע „כוח חדש" („נייער כוח") – האָט ביי די וואַלן צו דער איצטיקער, אַכטער כנסת, ניט באַוויזן צו דערגרייכן דעם מינימום שטימען פאַר איין מאַנדאַט – און ר'איז טאַקע געבליבן אין דרויסן. אָבער דאָס שטערט אים נישט צו רעדן אין נאָמען פון די מזרח־עדות, הגם קיינער אין ישראל לייקנט ניט, אַז פיל פון די דאָזיקע שבטים זענען אַ פּראָדוקט פון אַ פאַרשידנאַרטיקער נויט: סיי פון דער נויט וועלכע מ'האָט מיטגעבראַכט פון די לענדער פון וואַנען מ'האָט עולה געווען; סיי אין רעזולטאַט פון די סאָציאַלע דיפערענציאַציעס אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט; סיי אויך – און לאָמיר זיך זאָגן דעם אמת – פון אַ באַשטימטער אַליין־פאַרנאַכלעסיקונג און אָפּהענטיקייט מצד די דאָזיקן יידן גופא, וואָס האָבן ניט אַרויסגעוויזן צו פיל איניציאַטיוו, ענערגיע און מחשבה, כדי זיך אַרויסצורייסן פון די דורות־לאַנגע איינגעשטעלטע פּאַטריאַרכאַלע מנהגים, טראַדיציאָנעלע פירעכצן און צוריקגעשטאַנענער קולטור־סביבה.

די מנהיגים פון די „פּאַנטערס" ווייסן זייער גוט, אַז מיט האַקן שויבן און וואַרפן שטיינער – גייט נישט אין ישראל צו לייזן וועלכן ס'איז פּראָבלעם. סאָציאַלער אויפברויז, געלענקט דורך דעמאַגאָגן, מוז אָננעמען ברוטאַלע פאָרמען, פונקט ווי פאַרלעצונגען פון געזעץ וועלן נישט פאַרלייכטערן די לאַגע פון נויטבאַדערפטיקן. דער אמת איז דער, אַז נישט די געשעפטן־אייגנטימערס פון שכונת התקווה שטעלן מיט זיך פאָר די אויסנוצערס, די שלעכטע בלוטזויגערס פון די פאַראָרעמטע שיכטן. דער דאָזיקער אַדרעס איז לגמרי אַ פאַלשער און פאַרפירערישער. און אין נאָך עפּעס האָבן די „פּאַנטערס" געהאַט אַ געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן אין יענע טעג: צו די צוויי דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זיי האָבן גערופן אין די צוויי גרויסע שטעט, האָבן אין תל־אביב זיך צוגעשטעלט אַ 300 מענטשן (ביי דער פּאָליציי האָט מען געבעטן אַ דערלויבעניש אויף... 5,000) און אין ירושלים – אַ 200.

לאָמיר ביי דער געלעגנהייט אויך איבערגעבן וועגן איייניקע „פּערל" פונעם אידעאָלאָגישן באַגאַזש פון די „פּאַנטערס":

„מיר זענען קעגן טעראָר, אָבער מיר וועלן זיך נישט אָפּהאַלטן פון צו נעמען אונדזערע רעכט מיט כוח";

„אין איראַק איז די יידן געווען פיל בעסער ווי דאָ";

„פאַר יעדן הונט פון אַן עולה, שטעלט צו דאָס קליטה־מיניסטעריום אַ באַזונדערן צימער".

און נעים גלעדי, דער טעאָרעטיקער זייערער, דערקלערט אין „ידיעות אחרונות", פאַרוואָס וויל נישט די ישראל־רעגירונג פאַרהאַנדלען מיט יאַסער אַראַפאַט:... „דאָס איז נישט מער ווי אַ תירוץ, מיטן ציל ווייטער אָנצוגיין מיט דער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק און אונטערדריקונג פון די מזרח־עדות און כדי צו פאַראייביקן די סאָציאַלע הינטערשטעליקייט און אָרעמקייט, מיט דער טענה, אַז דער שונא שטייט ביי די טויערן"...

ווי געפעלט אייך די דאָזיקע "פּאַנטערישע" באַלייכטונג, הלמאי מיר ווילן נישט זיצן מיט די רוצחים אין מעלות, קרית שמונה, נהריה, שמיר און בית־שאן? און אויף צו דערלאַנגען ביי דער געלעגנהייט אַ שטאָך די אשכנזישע יידן, שרייבט גלעדי: "דער וואָס איז געווען גרייט צו זיצן מיט די מערדערס פון אונדזערע ברידער, די זעקס מיליאָן, זאָל זיך ניט דעקן מיטן אויסרייד, אַז מיר וועלן ניט זיצן מיט די מערדערס – צי נאָר דערפאַר ווייל די דייטשן האָבן געצאָלט געלט, און אַראַפּאַט האָט נישט געצאָלט?!"...

אַזעלכע רייד – און שרייבעכצן – ווי אויפשווידערנדיק זיי זאָלן נישט קלינגען, זענען אין דער פריייער, דעמאָקראַטישער ישראל נישט פאַרבאָטן, הגם זיי שאַדענען זייער דעם מיזוג גלויות. איין צייטונג האָט זיך אפילו דערלויבט צו באַצייכענען די לעצטע אַרויסטריטן פון די "פּאַנטערס" ווי אַ "דריטער פראָנט" (דער ערשטער – מצד די אַראַבישע שכנים; דער צווייטער – אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע).

## פאַראַן אויך קאָנסטרוקטיווע לייזונגען

די צרה באַשטייט אין דעם, וואָס גראָד נעגאַטיווע דערשיינונגען באַקומען אַ טומלדיקע באַהאַנדלונג אין דער פרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, בעת גינסטיקע אויפטוען זענען זוכה צו שטילע, באַשיידענע ידיעות און מאָגערע אַרטיקלען. קיינער באַהאַלט נישט אויס, אַז 220 טויזנט משפחות, דער רוב – פון די מזרח־עדות, לעבט אין נויט, אָדער געפינט זיך אויפן גרענעץ פון נויט. בנוגע הכנסות געהערן זיי צו די צוויי אונטערשטע צענדליק פון דער באַפעלקערונג. 60 טויזנט פון די 220,000 האַלטן זיך אויס פון סאָציאַלער הילף און עלטער־שטיצע. אויך160 טויזנט קינדער, דער עיקר פון די פיל־קינדער משפחות, געפינען זיך אונטער דער ליניע פון אָרעמקייט.

פרעגט זיך די פראַגע: צי ווערט עפּעס געטאָן אויף צו ענדערן די לאַגע? היינט מעג מען ענטפערן, הגם נאָך נישט מיטן פולן מויל, אַז עס ווערט זייער פיל פּלאַנירט און געטאָן אויף דעם פראָנט – און אויך די "פּאַנטערס" האָבן אין אַ געוויסער מאָס זיך איינגעשפּאַנט אין אייניקע פּראָיעקטן:

די רעגירונג האָט באַשלאָסן תיכף צו פאַרגיטיקן מיט אַנטשפּרעכיקע געלט־סומעס די ווייניק־פאַרדינענדיקע און פיל־קינדער משפחות, וואָס זענען געטראָפן געוואָרן פון דעם איצטיקן יקרות; די הסתדרות האָט געפאָדערט – און די רעגירונג האָט געמוזט נאָכגעבן – אַז די פּאַרטייערונג־הוספה זאָל אויסגעצאָלט ווערן פון ערשטן קינד אָן, און נישט פון דריטן, ווי ס'האָט זיך געפירט ביז איצט; צענדליקער מיליאָנען ל"י ווערן אינוועסטירט אין קינדערגערטנער, אין סטיפּענדיעס פאַר אומפאַרמעגלעכע גימנאַזיסטן און סטודענטן, אין פאַרבייטן די "סלאַמס" אויף מענטשלעכע וווינונגען.

אין אַזאַ לאַנד ווי ישראל, איז דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם אויך אַן ערשטראַנגיק נאַציאָנאַל און זיכערקייט־פּראָבלעם, ווייל אַ יוגנט וואָס לעבט מיט געפילן פון דיסקרימינאַציע, אָרעמקייט, קולטורעלע צוריקגעשטאַנענקייט – איז נישט מסוגל צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד מיט דעם אייפער און פאַטריאָטישן ברען, ווי דאָס פאָדערט זיך פון אַ סאָלדאַט פון צה"ל. באַשעפטיקן זיך טאַקע פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע, מוניציפּאַלע און מלוכהשע כוחות מיט דער פאַרנאַכלעסיקטער יוגנט אין די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן. מיליאַרדן ל"י פון ביטוח לאומי (נאַציאָנאַלע פאַרזיכערונג), אַרבעט־מ־נ־סטעריום, קולטור־און דערציונג־מיניסטעריום, פון דער סוכנות, הסתדרות און פון וווינונגען־מיניסטעריום, ווערן אינוועסטירט פאַר דעם צוועק.

אין ירושלים איז טעטיק די אָרגאַניזאַציע "עזרי", אין די ראַמען פון הסתדרותישן "הנוער העובד". דאָס זענען יוגנטלעכע פון קיבוצים, וואָס אַ יאָר פאַרן אַוועקגיין אין מיליטער־דינסט, ווידמען זיי דער דערציערישער און קולטורעלער אַרבעט אין די 4 פּראָבלעמאַטישע קוואַרטאַלן אין ירושלים, ווי: קטמון, נחלאות, עיר גנים און שמואל הנביא.

אין די אַנטוויקלונג־שטעטלעך ווירקן, מיטן זעלבן ציל, די "גרעיני עודד". דאָרט, ווי אין שכונת התקווה און אין אַנדערע ערטער, ווערט אַ סך געטאָן, כדי נישט דערלאָזן אַז די יוגנט זאָל זיך

דערקייקלען צו אַנאַלפֿאַבעטיזם, פֿאַרברעכנס, פּראָסטיטוציע, נאַרקאָטיקס. אויך די איינשטימיק אָנגענומענע באַשלוסן פֿון דער הסתדרות פֿאָדערן צו לינדערן די נויט אויפֿן געביט פֿון הכנסה, וווינונגען, בילדונג און דערציונג; אין די ע״טער פֿון נויט דאַרפֿן די קינדער געניסן אומזיסט פֿון פֿרעבל־שולן און פֿון אַ 12־חדשימדיקן לערנייאָר במשך 12 שעה אַ טאָג. דער קיבוץ המאוחד וועט אויפֿנעמען צוויי טויזנט יוגנטלעכע און אויך שיקן זיינע חברים אין די אַנטוויקלונג־שטעטלעך און אָרעמקייט־קוואַרטאַלן צו פֿירן אַ קולטורעל־דערציערישע טעטיקייט.

אין אָנבליק פֿון דער פֿאַראינטערעסירונג און אַקטיוויקייט, זענען אויך די ״פֿאַנטערס״ געקומען מיט אַן אָריגינעלן פּראָיעקט וועגן אויפֿשטעלן אַ ״יוגנט־דאָרף״ מיט אַן אינטערנאַט, ווו מ׳זאָל אין משך פֿון אַ יאָר צוגרייטן אַ 200 יונגע חברה, פֿון 16 ביז 23 יאָר, אויף צוגרייטן אייגענע קאַדערן אָנצופֿירן מיט קהילה־אַרבעט אין די צוריק־געשטאַנענע ראַיאָנען. דער עיקר ציל פֿון דעם ״דאָרף״ וועט זיין: אינטענסיווע לימודים צו דערגאַנצן די עלעמענטאַרע בילדונג און די טעאָריע און טעכניק ווי אַזוי זיך מטפּל צו זיין מיט דער פּראָבלעמאַטישער יוגנט. אַ ספּעציל צוגעקליבענער פּעדאַגאָגישער און טעכנישער פּערסאָנאַל גרייט צו פֿרייוויליק דעם פּראָגראַם.

פּנחס ספּיר, פּאָרזיצער פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט זיך געוואָנדן צו רענן ווייץ, לייטער פֿון קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט ביי דער סוכנות, און צו עוזי נרקיס, דירעקטאָר פֿון עליה־דעפּאַרטאַמענט, צוגרייטן און צוהעלפֿן רעאַליזירן דעם געדאַנק — און אַלע זענען אָפּטימיסטיש, אַז די זאַך וועט באַקומען אַ תּיקון. די ״פֿאַנטערס״ און די אַלע, אין וועמענס נאָמען זיי פּרעטענדירן צו רעדן, וועלן זיך מוזן איבערצייגן, אַז אויסער פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס, איז אויך פֿאַראַן אַ וועג פֿון קאָנסטרוקטיווע לייזונגען, הגם נישט שטענדיק ווערן זיי רעאַליזירט אין אַ געניג שנעלן טעמפּאָ. אַ גרויסער שאָד, וואָס די ענערגיע וועלכע איז פֿאַרשווענדט געוואָרן אויף צו אָרגאַניזירן די אומרוען אין שכונת התקווה — איז נישט אויסגעניצט געוואָרן פֿאַר אַנדערע, בעסערע צוועקן.

— די וואָס האָבן דעמאָנסטרירט אין שכונת התקווה, געהערן נישט צו די שוואַכע און באַעוולטע פֿון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט — האָט דערקלערט מיכאל חזני, מיניסטער פֿאַר סאָציאַלער הילף. דער מיניסטער האָט אָבער פֿאַרגעסן, אַז בעצם האָט זיך עס אָנגעהויבן פֿון... פֿוטבאָל און ערשט דערנאָך איבערגעגאַנגען צום צווייטן שטאַפּל — דער יקרות. אָבער ביידע שטאַפּלען האָבן ווידער באַלויכטן אייניקע פֿינצטערע ווינקלען אין דער ישׂראלדיקער רעאַליטעט, נאָר דערביי אויך געגעבן די פּאַסיקע געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז ווי עס זאָל נישט זיין, האָט מען זיך אַן ערנסטן נעם געטאָן צו לייזן די נויט־פּראָבלעמען אין לאַנד.

(י״ש ת״א; פּא״צ י־ם).

# מיט נייע עולים אין א קיבוץ

די טעג געלייענט אין א צייטונג, אז אין איינעם פון די קיבוצים אין צפון פון לאנד, הארט ביי דער לבנונער גרענעץ, זענען גילטיק אזעלכע אָנווייזונגען פאר די חברים:

„פארן שלאָפן גיין, פארשליס אלע טירן, פענצטער און לאָדנס. לאָז ברענען די ליכט אויף דער טעראסע. האלט גרייט דיין געווער. נישט עפענען די טיר פאר קיין פרעמדן, אויב דו האָסט אים נישט אידענטיפיצירט. אין די נאכט־שעהן שטעל נישט אָפּ דיין אויטאָ אויף צו נעמען ״טרעמפיסטן״, אפילו די, וואָס האָבן אן אייראָפּעישן אויסזען״.

**א באוואָפנטע... דאטשע**

ווען איך בין מיט נאָך צוויי יידן געקומען אויף א וואָך צייט, כדי ווי א פרייוויליקער העלפן דעם קיבוץ געתון, וואָס געפינט זיך א 13 קילאָמעטער פון דער לבנונער גרענעץ — האָבן מיר אזעלכע אויפשריפטן אין ערגעץ נישט באמערקט. אויך בעל־פה האָט מען אונדז נישט איבערגעגעבן די

אלע וואָרענונגען. בעצם, איז עס אויך נישט געווען נייטיק, ווייל אויב אין א שיינעם, זוניקן טאָג, ווי עס פאסירט אָפט אין א ישראלדיקן ווינטער, דרייען זיך ארום עטלעכע יוגנטלעכע און עלטערע מיט ביקסן אויף די אקסלען — הייסט עס, אז די שפּאנונג האלט אָן, אז מען וועגדעט אַן פּאַרזיכט־מיטלען, כדי די רוצחים פון יענער זייט זאָלן נישט איבעראשן, ווי דאָס איז געווען אין מעלות, שמיר און נהריה. נאָר דאָס מיינט ניט, אז די קיבוצים און ישובים פון לאנד זענען פארוואנדלט געוואָרן אין באוואָפנטע פעסטונגען. איך וואָלט זיי גיכער באצייכנט ווי באוואָפנטע דאטשעס.

ווייל גלייך ביים ערשטן אריינקום אין געתון, נעמט דאָס טויג זיך קוויקן מיט די גרינע גראָז־פלאנטן, מיט די פארביקע בלומען, מיט די רווישנדיקע ביימער און די שיטער צעשטעלטע הייזקעס; מיטן ציכטיקן חדר האוכל (עס־זאל), פיינעם קלוב, קינאָ און קינדער־הייזער. נאָר פאַר אלעמען: די מענטשן — רואיקע, שמייכלדיקע, אין גאנצן ״נאָרמאלע״. זעסט נישט אויף זייערע פנימער די מינדעסטע אָנדייטונג וועגן פרעווענטיווע מיטלען, וועלכע ווערן אַנגעווענדט קעגן די שליחים פון יאסער אראפאט און דזשאַרזש כאבאש.

## אן אריינבליק אין קיבוצישן לעבן

דעם 8טן אַקטאָבער 1948, מזרח זייט פון נהריה, איז אין מערבדיקן גליל אנטשטאנען דער קיבוץ געתון. זיין אָנהייב — א גרעין פון ״השומר הצעיר״ אין אונגארן. פון יענעם לאַנד האָבן די יונגע אידעאליסטן געבראַנגט מיט זיך, אויסער ליבע צו ארץ־ישראל, אויך צוויי מאשינען, דער יסוד פאר דער איצטיקער גרויסער, מאָדערנער מעטאל־אונטערנעמונג פון דריי אָפּטיילונגען, 17 קלענערע אויטאָמאטישע מאשינען און זעקס גרויסע. די פאבריק איז שוין דערגאנגען צו דער באשטעלונג נומער 1.600 (ד״ה, אז זי פּראָדוצירט אזא צאָל דעטאלן) און באדינט היינט די גרעסטע אונטערנעמונגען אין לאנד, וואָס א באדייטנדיקער טייל פון זיי איז אויך באשטימט פאר זיכערקייט און עקספּאָרט.

די פאבריק באשעפטיקט א פערציק קיבוץ חברים, זעקס לוין־ארבעטער און צען לערניינגלעך. זי עקספּאָרטירט אין די פאראייניקטע שטאטן און אין עטלעכע אייראָפּעישע לענדער. איצט זענען פאראן פּלענער צום אויסברייטערן זיך — און זיי ווערן רעאליזירט. מען שטעלט נאָך געביידעס און מען קויפט נייע מאשינען. בקרוב וועט געלאָזט ווערן אין גאנג אַן אָפּטיילונג אויסצוארבעטן מופעם פאר אינסטאלאציע־צוועקן. עס זענען שוין פאראן אויף דעם ארטיקל באשטעלונגען פון אמעריקע.

דער קיבוץ ציילט 400 נפשות — 140 מיטגלידער. אויפן אולפּן לערנען 30 יוגנטלעכע: 20 נייע עולים און 10 פרייוויליקע פון פארשידענע לענדער. אויך א יונגער שפּאניער פון פראנקאָס מדינה לערנט דאָרט א האלבן טאָג עברית און דעם צווייטן האלבן טאָג ארבעט ער אויף די קיבוצישע פעלדער.

געתון, וועלכער שטאָלצירט מיט זיין אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, האָט אָבער נישט רעזיגנירט פון דער לאנדווירטשאפט. היגער־צוכט (דער לול), פלאנטאציעס, תבואה־פעלדער, באנאנעס, אַוואָקאדאָ און ציטרוס־גערטנער געהערן נאָך אלץ צום ״אייזערנעם פאָנד״ פון דער ווירטשאפט. נאָר אויב אין דער פאבריק זענען סטאביל באשעפטיקט לוינארבעטער פון דרויסן, באנוצט מען זיך אין דער לאנדווירטשאפט מיט לוין־ארבעטער נאָר אין די ברענענדיקע סעזאָנען.

ווי אין דעם רוב קיבוצים אין די זיבעציקער יאַרן, איז אויך אין געתון פאראן א פּראָבלעם וואָס הייסט: די קיבוצישע זין נאָכן מיליטער־דינסט. ווייל נאָך 3 יאָר אָפּדינען אין צה״ל, ווו זיי פארנעמען די סאמע פאראנטוואָרטלעכסטע פּאָזיציעס און כמעט אלע פארענדיקן אָפיצירן־קורסן — קערן זיך אום די יוגנטלעכע מיט אנדערע באגריפן און מחשבות. מען בלייבט שטיין אויף א שיידוועג. נאָר וואָס שייך געתון, איז דער אלגעמיינער בילאנס לטובת דעם קיבוץ. די צאָל ניי־געקומענע חברים איז גרעסער פון דער צאָל וואָס פארלאָזט.

א וויזיט אין דער דירה פון א חבר אין קיבוץ, פארשאפט דיר דעם אמתדיקן נחת רוח. די פיינע, הגם באשיידענע וווינונג, די ביבליאָטעק מיט ווערטפולע ביכער, די ווארעמקייט און הכנסת

אורחים — אנטפלעקן דיר א גוט איינגעאָרדנטן צופרידן לעבן, וועלכן מען קאָן זעלטן טרעפן אין שטאָט. אויך דער שמועס איז א פרייער, נאטירלעכער און אינטימער. נישט איין מאָל פארגנבעט זיך אין הארצן א געפיל פון קנאה כלפי די וואָס האָבן אויסגעקליבן דעם קיבוצישן לעבנסשטייגער און גלייכצייטיק שטוינסטו בנוגע די, וואָס האָבן געהאט דערצו דעם אידעישן אונטערגרונט און די ברירה פון אויסוואל — האָט מען זיך פאָרט באזעצט אין שטאָט, מיט אירע פארפלאָנטערטע ענינים.

אונדז, די פיר פרייוויליקע, האַט מען זייער ווארעם אויפגענומען. צוויי האָט מען צוגעטיילט צו שמירה, און נאָך צוויי — צו ארבעטן אין דער פאבריק, וואָס האָט דערמעגלעכט צו פארבייטן קיבוץ־חברים פאר אנדערע, נויטווענדיקע באשעפטיקונגען. א זעקס־טאָגיקער ארייַנבליק אינעם קיבוצישן לעבן, באזונדערס די שמועסן מיט נייע עולים, דערמעגלעכן צו באקענען זיך פון דער נאָענט מיט אייניקע פראָבלעמען מיט וועלכע עס ראנגלט זיך היינט צו־טאָג דער קיבוץ, דער יונגער דור, און פאר אלעמען — דער נייער עולה.

די ווייטער פארשריבענע אָבסערוואציעס געהערן טאקע צו א גאסט אויף א וויל, וואָס האָט אָבער נישט די פרעטענסיע צו זען אויף א מייל... נאָר דאָס וואָס די אויגן האָבן געזען און די אויערן האָבן געהערט, איז כדאי צו דערציילן.

## ווען קינדער „דערציען" גאָר עלטערן

ר׳ משה, ווי איך האַב אים גערופן, איז א געבוירענער אין ארגענטינע, אין א פּראָווינץ־שטאָט, ביי עלטערן וואַס האָבן עמיגרירט פון רוסלאנד. פאר די פערציק יאָר פון זיין פּראָלעטארישן לעבן, ווי א פאבריק־ארבעטער און אָנגעשטעלטער, האַט ער לגמרי זיך נישט אינטערעסירט מיט יידישע ענינים. פאר אלעמען געהאט אין זינען דעם ארגענטינער פּראָלעטאריאט מיט זיין סינדיקאט, דעם פראָפעסיאָנעלן פאריין און געגלויבט אינעם סאָציאליזם נוסח מאָסקווע — ביז דער אנטוישונג נאָכן 20טן קאָנגרעס און כרושטשאָווס רעדע.

א געוויסן טאָג איז געקומען אויך די נאציאָנאלע איבערקערעניש. אין יאָר 1969 האָט זיין יונגערן זון פארגלוסט צו באזוכן ישראל, סתם אזוי, אויס פשוטן נייגיר און אפשר אויך צוליב אן אינסטינקטיוו דערוואכטן "פינטעלע ייד". דער בחור האַט זיך פארליבט אין לאנד פון ערשטן אויגנבליק און מיט זיין ענטוזיאזם מיטגעריסן די עלטערן, א ברודער און א שוועסטער, ביז אלע צוזאמען האָבן עולה געווען.

— טאטע, איך וויל מער נישט וווינען אין ארגענטינע. איך פאָר זיך באזעצן אין ישראל.

ר׳ משה דערקלערט מיר אין א שטומפיקן יידיש: אזוי ווי ער און זיין פרוי האָבן שטארק ליב דעם זון, האָט מען איינגעפּאקט די פעקלעך און געקומען אהער. איצט זענען זיי צען נפשות אין קיבוץ, ווייל צוויי קינדער האָבן דאָ חתונה געהאט און געבראכט נאָך א דור אויף דער וועלט. פאר די 30 חדשים האָט מען זיך אקלימאטיזירט אין קיבוץ, הגם די אידענטיפיצירונג מיט אים איז נאָך נישט קיין פולקאָמע. ער שעמט זיך נישט צו דערציילן, אז אים און זיין ווייב וואָלט זיך בעסער געוואָלט פירן א באזונדערע שטוב־ווירטשאפט, געניסן פון מער אינדיווידועלקייט און פריוואטקייט, נישט זיין געבונדן מיטן עס־זאַל פון קיבוץ. נאָר דאָס זענען נארישקייטן, ווייל אין דער אונטערשטער שורה איז מען צופרידן.

פון 5.30 ביז 12 בייטאָג (מיט א פרישטיק איבעררייס פון א האלבער שעה) זיצט ר׳ משה ביי דער מאשין און טוט זיין ארבעט ווי עבודת הקודש. אין דער אנדערער העלפט פון טאָג איז ער א "פרייער פויגל", לייענט צייטונגען, זשורנאלן און ביכער, נאָר אלע אין שפאניש. דאָס לערנען העברעיש גייט אים צו שווער. יידיש, די שפראך וועלכע ער האָט קוים געקענט דער היים, ווו דער זיידע האָט צו אים גערעדט, ווען ער איז א קינד געווען, האָט ער זיך אויסגעלערנט אין... קיבוץ. דעריבער איז פאר אים די פראגע פון קולטורעל אויסלעבן זיך א גאנץ שווערע, הגם ער האָט מיטגעבראכט א סך ביכער פון ארגענטינע. נאָר דאָרט איז מען אָפט געגאנגען אין טעאטער, און דאָס וויכטיקסטע — מ׳איז געווען געזעלשאפטלעך טעטיק. ער הערט די ראדיאָ־אודיציעס פון "בי.בי.סי" אין שפאניש און די "שידורי ישראל" — אין יידיש.

אויף מיין פראגע, צי פאלט אים א מאָל איין צוריקצופאָרן, קומט א קאטעגאָרישער "ניין!". זיינער א ברודער איז גוט איינגעאָרדנט אין בוענאָס־איירעס, ער וואָלט זיכער אים געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס, נאָר ער האָט נישט בדעה צו פארלאָזן דעם קיבוץ, אפילו ווען מען לייגט אים פאָר צו ווינען אין שטאָט.

— דאָס ריכטיקע געפיל אז מדינת ישראל איז מיין לאנד האָט מיך באהערשט, ווען עס איז אויסגעבראָכן די יום־כיפור מלחמה. אין יענע טעג האָב איך געארבעט א סך מערער שעהן אין דער פאבריק און דערנאָך געגאנגען אויף שמירה. די זיכערקייט־לאגע דאָ שרעקט מיך נישט אָפּ. איך האלט, אז די לאגע אין ארגענטינע, צוליב דעם פּאָליטישן טעראָר, איז א פיל ערגערע, באזונדערס פאר יידן. און די געמישטע חתונות זענען דאָך גאָר אן אומגליק...

דאָ מישט זיך אריין אין געשפּרעך משהס פרוי — פון וועמען עס שלאָגט מיט אָפּטימיזם, זיכערקייט און אינערלעכער לעבנס־פרייד. און פאר וואָס טאקע נישט? זי געהערט דאָך צו די גליקלעכסטע יידישע מאמעס וואָס איז צוזאמען מיט אירע אלע דריי קינדער אין קיבוץ. זי ארבעט מיטן פרעס־אייזן אין דער "קאָמונע", אויף 6 שעה אין טאָג — אן ארבעט וועלכע זי האָט גענומען אויף זיך פרייוויליק.

אבי געזונט — זאָגט זי — טאטע־מאמע מעגן א מאָל לערנען אויף פון קינדער. אָט האָט דער זון אונדז "דערצויגן" צו ארץ־ישראל. אמת, צו האסטיק און שנעל, ווי דער שטייגער ביים יונגוואַרג, אָבער מיר באדויערן נישט. אונדז, די עלטערן וואָס זענען שוין נאָך די זעכציק, וואָלט אוודאי נישט איינגעפאלן צו קומען אהער. דערפאר זאָג איך אלע מאָל אויפן חשבון פון אונדזער טייערן זון: א ברכה אויף זיין קאָפּ!...

**מיט יונגטלעכע עולים פון ראטנפארבאנד**

שמעון האָט עולה געווען אין סעפּטעמבער 1974 פון ריגע. פון עראָפּאָרט אין לוד האָט מען אים באלד געשיקט אין קיבוץ געתון אין אולפּן. דאָס זעלבע האָט פּאסירט מיט יעווגענין, דעם נייעם עולה פון לוואָוו (לעמבערג). שמעון איז א מאשין־טעכניקער און נאָך אין יאָר 1961, איז אים איינגעפאלן צו בעטן פון ישראל א "וויזאָוו" (ארויספאָדערונג) כדי צו דערלאנגען די נייטיקע פאפירן אויף ארויסצופאָרן. דאָס האָט גורם געווען, אז ער האָט פארלוירן זיין ארבעטס־פּלאַץ. דאקעגן יעווגעני האָט געדינט אין אן איינהייט פון זעניט־ראקעטעס און געווען זיכער, אז דערפאר וועט מען אים נישט דערלויבן צו פארלאָזן די גרענעצן פון ראטנפארבאנד. וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן? זיינע עלטערן מיט א שוועסטער האָט מען אָפּגעזאָגט דאָס געגארטע פּאפּירל און גראָד ער האָט עס באקומען. גיי זיי א חכם צו פארשטיין די עליה־פּאָליטיק פון די סאָוויעטן...

שוין א פיר חדשים ווי ביידע לערנען אין אולפּן, מיט נאָך 30 בחורים און מיידלעך. פון 6 פרי ביז 12 בייטאָג ארבעט מען אין פעלד, אויף די פּלאנטאציעס, אין פאבריק. פון 1.30 ביז 5 פארנאכט לערנט מען העברעיש, א ביסל יידישקייט און ישראלדיקייט. אגב, אין עברית האָבן זיי נאָך פריער געהאט אן אנונג. מען האָט געלערנט די שפּראך אין זעלבסט־בילדונג קרייזלעך אין ריגע און אין לוואָוו, ווי אויך אויפגעכאפּט די ראדיאָ־לעקציעס פון ישראל.

יעווגעני איז גרייט צו באפרידיקן זיך מיטן מינימאלסטן. אלס עלעקטריקער וועט אים נישט פעלן קיין ארבעט.

— איך דארף נישט קיין סך — זאָגט ער צו מיר.

דאָ איז א פּאסיקער מאָמענט צו פרעגן:

— האָט ווער פון אייך בדעה צו בלייבן אין קיבוץ?

שמעון ענטפערט, נאָך וואקלונגען, אז אפשר יאָ, ער איז נאָך נישט זיכער. דאקעגן יעווגעני וויסט צו דערציילן, אז ער וועט נישט בלייבן, ווייל ער שטרעבט צו ברענגען אהער זיינע אומפארמעגלעכע עלטערן. פלאנירט ער צו ארבעטן אויף א האנדלס־שיף, כדי פארדינען א סך געלט, שיקן טאטע־מאמע פעקלעך מיט אָנטאָן — און פון די פארקויפטע זאכן דאָרט וועלן זיי צונויפשטעלן די רייזע־הוצאות.

איך וויל וויסן זייער מיינונג וועגן די, וואָס אויפֿן וועג קיין ישׂראל, אין ווין, ווערן זיי אנטרינען אין א צווייט לאנד, אָדער פארלאָזן, נאָכן אָפּזיין א שטיקל צייט אין ישׂראל.

— איך פאראורטייל ווי אמשארפסטן די וואָס פארלאָזן. אין מיינע אויגן זענען זיי פאררעטער. די "יורדים" זענען שוואכע ן מענטשעלעך. אויב מיר פארלירן זיי, מיינט נישט, אז זיי טויגן פאר ישׂראל. דאָס זענען ווערטלאָזע מענטשן, ביי וועמען נאָר געלט האָט א ווערט...

יעוועגעני דערציילט, אז ער האָט זעקס מאָל זיך געוואָנדן וועגן ארויספאָרן. צום ערשטן מאָל — אין 1963, דערנאָך אין 1964, 1965, 1966, 1969 און 1973 — ביז ער האָט זיינס דערגרייכט. נישט מיד געוואָרן פון זייערע אָפּזאָגן. ערשט אין 1974 האָט מען אים גערופן אין "אָביר" און געמאָלדן, אז ער מעג פאָרן. דערלויב איך זיך ווידער צו שטעלן די פראגע:

— ווי געפעלט דיר אין קיבוץ?

— אָן דעם קיבוץ איז זיך נישט פאָרצושטעלן די רעאליזירונג פון ציוניזם. דער קיבוץ איז נאָך אלץ דער ספעציפישער, אייגנארטיקער "פאַטענט" פון ישׂראל. אין קיבוץ זע איך אויך די רעאליזירונג פון אמתדיקן סאָציאליזם. דעריבער איז א טעות צו מיינען, אז יידישע יונגעלייט פון מאַסקווע, לענינגראד צי קיעוו, אידענטיפיצירן דעם קיבוץ מיטן קאָלכאָז. איך בין זיכער, אז וועגן ערשטן האָבן זיי מערער אן אנונג ווי וועגן צווייטן. די אנטווישונג דאָרט שטויסט אוועק פונעם מקורותדיקן ישׂראלדיקן עקספערימענט פאר א קאָלעקטיוו צוזאמענלעבן, בשותפותדיקע פליכטן און אחריות.

צו אונדזער געשפרעך שליסט זיך אָן זשעניע, אויך א נייע עולה. געבוירן אין מאָלדאוויע. די עלטערן האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט אין קרית־ים. נאָר זי איז אויף אייגענער איניציאטיוו געקומען אין אולפן, קודם־כל צו לערנען די שפּראך, אויף צו דערמעגלעכן צו ענדיקן די שול פאר קראנקן־שוועסטערס, ווייל זי האָט געהערט, אז זיי פעלן אויס אין די שפּיטאָלן און אמבולאטאָריעס.

זשעניע איז פול מיט באוואונדערונג פאר די... פרייוויליקע. אמת, עס זענען איר נישט צום הארצן די לאנגע האָר, די אויסגעריבענע, געלאטעטע הויזן, פארביקע בלוזעס און די אלע גענג פון "היפּיס". דערפאר אָבער האָט זי א סך אנערקענונג פאר זייער וועג־זוכעניש, וואָס האָט דערפירט צו פארבייטן, אפילו בלויז אויף עטלעכע חדשים, די רייכע, זאטע היימען אין לאָס־אנזשעלעס, טאָראָנטאָ, פאריז און לאָנדאָן — אויף פיזישער, ממש "שווארצער" ארבעט אין קיבוץ. אויך ביי זיי, ביי דער יידישער יוגנט אין ראטנפארבאנד, איז די נאציאָנאלע דערוואכונג געווען א סטיכישע, פון זיך אליין. דאָס לוקסוס־ארטיקע לעבן איז נמאס געוואָרן, עס איז זיי ליבערשט צו פארברענגען אין ישׂראל א שטיקל צייט — אפשר וועלן זיי באקומען אויסלאָדונג פאר זייערע אספּיראציעס, וועלכע זענען נאָך נישט אויסקריסטאליזירט און ס'איז אויך נישט פאראן די אבסאָלוטע זיכערקייט, אז זיי מיינען טאקע ישׂראל מיט דער פולער ערנסטקייט.

אָט באווייזט זיך די פארוואלטערין פון אולפן און מיט א צעשטראַלט פנים לויפט זי צו צו שמעונען און זאָגט אים: "יש לך טלפון מהבית". אזוי זיך, פשוט, א טעלעפאָן פון דער היים, פון ריגע...

א צעפלאמטער און אויפגערודערטער קומט שמעון צוריק פונעם געשפרעך מיט טאטע־מאמע און שוועסטער. ער דערציילט:

— דער טאטע האָט געזאָגט, אז אין פעברואר דערלאנגען זיי ווידער אלע דאָקומענטן אויף ארויסצופאָרן פון רוסלאנד. זיי פרייען זיך וואָס איך בין אין קיבוץ. אויף דער פראגע פון דער מאמען וואָס איך טו מאָרגן, האָב איך געענטפערט, אז זעקס פארטאָג וועל איך אראָפּנעמען באנאנעס, נאָר קוים וועט רעגענען — גיי איך ארבעטן אין קיך.

דאָס איז געווען זיין ערשטער געשפרעך מיט דער משפּחה. ער שטרייכט אונטער מיט פרייד, אז ביי סטאלינס צייטן וואָלט נישט מעגלעך געווען קיין עליה, ווער שמועסט נאָך — א פּריוואטע, טעלעפאָנישע פארבינדונג מיט מדינת ישׂראל. 16 רובל (א 165 ל"י) קאָסט אזא געשפרעך — נאָר ס'איז ווערט!

**ווער וועט ברענגען דעם טאָג?**

ביים אריינגאנג אין דער פאבריק אין געתון, האָט ווער שיין אויפגעמאָלן און באצירט א לאָזונג ״אל תגידו יום תבוא — תביאו את היום!״ (״זאָגט נישט אז דער טאָג וועט קומען — ברענגט אים, דעם טאָג!״). און איך האָב זיך געטראכט: ווער טאקע וועט ברענגען דעם געגארטן טאָג? ווו זענען די טרעגערס פאר אזא שווערער אויפגאבע? אמת, דער עיקר כוח געפינט זיך אין די קיבוצים, צי זענען זיי אָבער גענוג שטארק און אזויפיל באווירקנדיק, אויף אָפּצושטעלן די אידעישע און מאָראלישע ירידה אין לאנד אין גופא און גורם זיין צו א גרויסער עליה פון יידישער יוגנט, וואָס בלאָנדזשעט אין גלות און ווילן אמאָל אויך העלפן דער מדינה?

וועלן מיר זיין בכוח צו באנייען דעם חלוצישן שוווּנג, וועט דער קיבוץ זיין מסוגל צו דערפילן זיין אויפגאבע ווי א דערציער, וועגווייזער און צוציער אין זיינע רייען?

נאָר פאר וואָס עפּעס נאָר דער קיבוץ? און ווו זענען די עלטערן? די היים, די שול, די מדינה? צי מעג מען באפרייען פון אזא נאציאָנאלער אויפגאבע די אלוועלטלעכע ציוניסטישע באוועגונג און אירע לאנד־פיליאלן? וואָס איז מכוח די יוגנט־אָרגאניזאציעס?

כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט, וואָלטן די פריער דערמאָנטע אדרעסן באדארפט זיך איינשפאנען צו דער עבודה, אויף צו ברענגען דעם טאָג...

(י״ש ת״א; ד״פ ב. איירעס, אפּריל 1974).

# דריי צילן פון דער ״ליטאני־אקציע״

דינסטיק ביינאַכט, דעם 14טו מערץ 1978, האָבן די באַוואָפנטע כוחות פון ישראל אָנגעהויבן די ״רייניקונג־אַקציע״ קעגן די טעראָר־נעסטן אין דרום פון לבנון, מיטן ציל: א) רעאַגירן אויף דעם אומקום פון די צווי־און־דרייסיק מענער, פרויען און קינדער וואָס זענען מיט 10 טעג פריער, אַ שבת נאָכמיטאָג, געפאַלן אַ קרבן פון די ״אַל־פאַטאַך״־רוצחים אויפן שאָסיי חיפה – תל־אביב. ב) דערלאַנגען אַ פילבאַרן, שטארקן קלאַפּ די טעראָר־באַנדעס. ג) באַזעצן אַ שטח אין דרום לבנון, 10 קילאָמעטער די ברייט און 100 די לענג, אַן אָפּגערייניקטן פון די טעראָריסטן.

1

געמיינט האָט מען, אַז עס וועט נישט נעמען קיין סך טעג, ביז צה״ל וועט פארענדיקן די דאָזיקע עקספּעדיציע, ווי נאָר עס וועט זיך אָנצייכענען אַ לייזונג פאַר דער דריטער, עיקרדיקסטער אויפגאַבע. נאָר אין דעם פאַל האָבן מיר נישט צו טאָן מיט אַ סוווערענער, אויטאָריטעטער און שטאַרקער רעגירונג, מיט וועמען עס לאָזט זיך פאַרהאַנדלען און אונטערשרייבן אַ הסכם, כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערגיין צו אַ טאָלק. ווידער איז אלץ געוואָרן אַ ענין פאַר ווייטע, פרעמדע כוחות. ווי נאָר צה״ל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין לבנונער טיש, האָבן זיך אָפּגערופן אַ סך ״שערן״: וואַשינגטאָן און מאָסקווע, אונ״אָ און דער וואַטיקאַן; וואַרשע; ברונאָ קרייסקי און דער בעלגישער אויסערן־מיניסטער; שטאָקהאָלם און רוים, אַמסטערדאַם און פאַריז.

אויך די צייטונגען אין דער וועלט האַבן געשריבן לייט־אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען, מיט קנאַפּער צושטימונג, נאָר אַ סך קריטיק און פאַראורטיילונג, הלמאי ישראל האַט געוואַגט צו ענטפערן מיט אַ מיניאַטור־מלחמה אויף אַ פאַרצווייפלטן אַקט פון עטלעכע טעראָריסטן. מיט אַמאָל איז די אַלע שיינגייסטער געוואָרן ליב און טייער דאָס פאַרגאָסענע בלוט אויף דער זייט פון טייך ליטאַני, בעת די זעלבע פּאָליטיקערס, רעגירונגען און פרעסע־אָרגאַנען, האָבן אָנגענומען אַ מויל מיט וואסער, ווען גאַנץ לבנון איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט אין משך פונעם בירגער־קריג.

אַ בירגער־קריג באַלאַנגט אָבער צו דער קאַטעגאָריע פון אינערלעכע ענינים, דעריבער דאַרפן זיך ניט אַריינמישן קיין אויסערלעכע כוחות. נאר אין פאַל לבנון, איז דאָך יענער, כלומרשט אינערלעכער קאָנפליקט, אויפגעצווינגען געווארן פון אַ פרעמדן אַריינדרינגלער, די פאַלעסטינעזער, און זייערע רוצחישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער שליטה און טעראָר נישט נאָר אין די פליטים־לאַגערן און דערפער, נאָר אויך געוועלטיקט אין דער הויפּטשטאָט ביירוט און דאָרט זיך געפירט ווי אַ מדינה אין דער מדינה.

אַן ענלעכן שוויג האָבן די זעלבע אַנגעוווענדט, ווען דרום לבנון איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרענע פון אומאויפהערלעכע פאַרביסענע קאַמפן, מיט אַ סך קרבנות, צווישן די קריסטלעכע איינוווינערס און פּאַלעסטינער אינוואַדאָרן, מיט אַלע סימפּטאָמען פון אַ רעליגיעזער מלחמה.

2

הגם די קאַמפּס־אַרענע פאַר צה״ל אין איר איצטיקער קאַמפּאַניע איז געווען דרום לבנון, איז אָבער דער אָביעקט נישט די באַוואָפנטע כוחות פון דער שכנותדיקער מדינה, נאַר די טעראָריסטן, מיט וועלכע די צענטראַלע רעגירונג אין ביירוט האָט נישט געוואָלט (צי נישט געקענט) זיך פאַרמעסטן. די באַנדעס פון יאַסער אַראַפאַט, דזשאָרזש כאַבאַש, דזשאַבריל, אבו נידאל און אַנדערע, מיט וועמען דער ירדנער מלך חוסיין האָט אומברחמנותדיק זיך צערעכנט אין סעפּטעמבער 1970, און מצרים און סיריע האָט זיי נישט דערלויבט צו פירן פון זייערע טעריטאָריעס אַ דיווערסיע־טעטיקייט קעגן ישראל – האָבן זיך באַזעצט אין לבנון און דאָס דאָזיקע לאַנד, באַזונדערס איר דרומדיקן ראַיאָן, פאַרוואַנדלט אין אַ פּלאַצדאַרם פאַר אָפטע אַנגריפן, באַשיסונגען, מאָרדן און טעראָר קעגן דער יידישער מדינה. נישט איינמאָל האָט צה״ל באַוויזן אָפּצוהאַקן אַ קאָפּ, אַן אָרעם פון דער רוצחישער הידרע, זי איז אָבער גאַנץ שנעל צוריק באַוואָקסן געוואָרן מיט נייע קאַדערס, געליפערט פון די אַראַבישע לענדער; מיט מאָדערנעם געווער, צוגעשטעלט מיט אַ ברייטער האַנט דורכן ראַטנפאַרבאַנד און זיינע סאַטעליטן; מיט פּעטראָ־דאָלאַרן פון סאַודיע און ליביע, פון קועיט און קאַטאַר, אויך דער אויפטריט פון יאַסער אַראַפאַט אויף דער פול־פאַרזאַמלונג פון אונ״אָ מיט צוויי יאָר צוריק, די כמעט דיפּלאָמאַטישע אַנערקענונג וועלכע פ.ל.אָ. האָט באַקומען אין אַ סך מדינות, האָבן פינאַנסיעל, מאָראַליש און פּאָליטיש געשטאַרקט דעם אַראַבישן טעראָר, וואָס האָט זיך געפּילט אין לבנון ווי ביי זיך אין דער היים. טאַקע פון יענעם לאַנד איז געקומען די באַרימערישע דערקלערונג,, אַז פ.ל.אָ. נעמט אויף זיך די אחריות פאַרן ״בלוטיקן שבת״ אויפן שאָסיי חיפה — תל־אביב, אַ דערקלערונג, וועלכע האָט ממש ״פאַרבעטן״ צה״ל צו אַ רעוואַנזש־אַקציע...

3

לבנון און איר דרום־ראַיאָן שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָנגלאָמעראַט פון פעלקער, שבטים, רעליגיעס, טראַדיציעס און השפּעות; קריסטלעכע מאַראָניטן, מוסולמענישע שיעים, דרוזן, אַלערליי טעראָר־גרופּן, מיט איינגעטיילטע ווירקונג־ספערן און ראַיאָנען. און אין די לעצטע 2 יאָר – אַ ״פאַרשלאָסענער שטח״ פאַר סיריע, וואָס אונטערן שילדל פון אַ פּאַן־אַראַבישן כוח, הערשט זי בעצם אין לבנון, ביים גלייכצייטיקן ״פרייען אַריינגאַנג״ פון די ישראל־כוחות און זייער פרידלעכע קאָאָפּעראַציע מיט די קריסטלעכע איינוווינעס. נאָר אין דער אונטערשטער שורה איז דרום לבנון געווען אַ מין הפקר־שטח. אויך פּרעזידענט סאַרקיס האָט אַמאָל מודה געווען עפנטלעך, אַז זיין רעגירונג האָט נישט קיין שליטה אין יענעם ראַיאָן.

איידער עס האָט זיך דאָרט געשאַפן דער תוהו־ובוהו, אפילו נאָך אין די לעצטע צייטן, האָבן די פּויערים פון ביידע זייטן גרענעץ, אַראַבער און יידן, תמיד אומגעשטערט באַאַרבעט די ערד און אויף אַ פרידלעכן אופן מקיים געווען דעם ״המוציא לחם מן הארץ״. ערשט מיטן באַווייזן זיך פון די טעראָריסטן, האָבן זיך אָנגעהויבן די אַטאַקעס אויף די ישראלדיקע ישובים און רציחות איבער דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג. דער מאַיאָר חאַדאַד, שעף פון די קריסטלעכע באַוואָפנטע כוחות האָט דערציילט, אַז גאַנצע צוויי יאָר האָבן זיי זיך געפונען אין אַ גרויסער נויט, אונטער כסדרדיקע באַשיסונגען, אָן אַ נאָרמאַלן, געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַר זיך, אָן שולן צו לערנען פאַר זייערע קינדער. ״איצט איז פיל לייכטער, הגם די טעראָריסטן באַשיסן אונדז נאָך פון צפון פונעם טייך ליטאַני, ווו צה״ל איז נישט צוגעקומען. כלפּי זיי דאַרף מען נאָר אָנווענדן כוח, ווי דאָס האָט געטאָן די ישראל־אַרמיי״.

די לאַגע פון די קריסטן אין דרום לבנון איז געווען אַזוי קריטיש, אַז ביי די מנהיגים איז אפילו געבוירן געוואָרן אַ מחשבה אַריבערצופירן די מאַראָניטן קיין ישראל. אויף זייער בקשה האָט צה״ל

אויפגעשטעלט דעם "גוטן טויער", דורך וועלכן די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט באַקומען הומאַניטאַרע הילף, אין דער פאָרם פון דאָקטוירים, רעצעפּטן, שפּיטאָל, וואַסער־באַזאָרגונג, שפּייז, אפילו – באַשעפטיקונג אין מטולה, צפת, קרית־שמונה און אַנדערע ערטער. און ווען נייטיק – אויך שוץ און געווער קעגן די טעראָריסטן. נאָר צוליבן שולד פון די לעצטע, איז מען אַריינגעטרעטן אין אַ באַוואָפנטן קאָנפליקט מיט אַ לאַנד, וואָס האָט גראָד פּאַרמאָגט אַלע אָפּציעס צו לעבן מיט אונדז בשלום.

4

ישראל נייטיקט זיך נישט אין נאָך שטחים צי אין נאָך מיליטערישע נצחונות. אָבער די "ליטאַני־אַקציע" האָט געמוזט געבוירן ווערן, אפילו ווען מען קריטיקירט (צי מען באַוווּנדערט) דעם פּאַרנעם, די קאָמפּליקאַציעס און אירע ביז איצטיקע רעזולטאַטן.

נאָר ווי געזאָגט, איז עס נישט קיין קאָנפראָנטאַציע צווישן ירושלים און ביירוט, נאָר גיכער אַן אַריינמישונג פון אויסערלעכע פאַקטאָרן, וואָס מיינען כלומרשט די סוווערניטעט און גאַנצקייט פון לבנון, בעת אין דער אמתן האָט מען אין זינען אייגענע אינטערעסן. די גרעסטע זאָרג פאַר לבנון האָט אַרויסגעבערנגט... פּ.ל.אָ. יאַסער אַראַפאַט רופט צו ראַטעווען דאָס לאַנד, וואָס ער אַליין האָט חרוב געמאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז ער וויל קודם כל ראַטעווען זייך אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געליטן ריזיקע פאַרלוסטן איז מענטשן, באַוואָפענונג און פּאָזיציעס פון דער וויכטיקסטער אַנטי־ישראלדיקער באַזע. נאָר דער גרעסטער ווייגעשריי פון אנטוישונג, פאַרביטערונג און ווייטיק הערט זיך אוודאי אויפן אַדרעס פון די אַראַבישע מדינות, באַזונדערס די פון אָפּזאַג־פראָנט (סיריע, ליביע, איראַק), וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג באַשלאָסן אין טריפּאָלי צו קומען צו הילף פּ.ל.אָ. דערווייל האבן זיי זיך באַגנוגנט מיט דעקלאַראַציעס און רעזאָלוציעס, אַנשטאָט אינטערווענירן לטובת די פּאַלעסטינעזער אויף אַ מער עפעקטיוו אופן. נאָך מער! פון קאַיר זענען געקומען דערקלערונגען, אַז די שלום־פּאַרהאַנדלונגען מיט ישראל וועלן ווייטער אָנהאַלטן, און אין רבת־עמון האָט מען צעטריבן אַ דעמאָנסטראַציע פון פּליטים, וואָס האָבן געפּאָדערט די אַריינמישונג פון ירדן און אַנדערע אַראַבישע לענדער אין דרום לבנון.

די "אַקציעס" פון פּ.ל.אָ. זענען געפאַלן אַ סך פריער, נאָך איידער סאַדאַט האָט אָנגעהויבן זיין שלום־אָפענסיווע. אָבער יאַסער אַראַפאַט האָט דערפון גאָרנישט געלערנט, פונקט ווי ער וויל ניט פאַרשטיין, אַז מיט טעראָר גייט נישט צו באַזיגן רעגירונגען און מדינות, אפילו ווען מען ווייזט אַרויס "העלדישקייט" מיט מאָרדן אומשולדיקע פרויען, קינדער, אַלטע לייט.

אויב ס'האָט נאָך ווער געהאַט ספיקות בנוגע דעם אַנטי־יידישן און אַנטי־ישראלדיקן כאַראַקטער פון די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך ווידער אַמאָל אַנטפּלעקט אין די דורך צה"ל־פאַרכאַפּטע בונקערס און פּאָזיציעס פון די טעראָריסטן אַ רייכע ליטעראַטור, וואָס איר אינהאַלט איז ניט ווייט פון שטרייכערס "שטירמער". מ'האָט דאָרט געפינען אויך היטלערס "מיין קאַמף" אין אַראַביש, אַ בוך "חורבן ישראל" — וועגווייזער ווי אַזוי אומברענגען די יידישע מדינה, אירע איינוווינערס וואַרפן אין ים, ווי "דער איינציקער אויסוועג פאַר די נעבעכדיקע באַשעפענישן"... אַ טייל פון דעם פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל איז געדרוקט אין... ראַטנפאַרבאַנד. אגב, זענען ענלעכע בראָשורן פאַראַן אויך קעגן די קריסטן. צווישן די אַנדערע מאָטיוון הלמאי מען דאַרף זיי ליקווידירן – "זיי (ד.ה. די קריסטן – ד.ש.) שטאַמען פון יידן"...

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרביסענעם שונא, וואָס מיינט נאָך אַלץ ערנסט מיטן "פּאַלעסטינער טשאַרטער" צו ליקווידירן די יידישע מדינה. הגם די באַדייטנדיקע צאָל טעראָר־אָרגאַניזאַציעס זענען אין רוב פאַלן אַ ווערקצייג אין די הענט פון זיך באַקעמפנדיקע אַראַבישע לענדער און רעזשימען, ווי צ.ב. סיריעס "אַ־צעיקאַ" – קעגן "אַל־פאַטאַך"; איראַק'ס "פראָנט פון אַראַבישן גרעאַנגל" אין קאַמף מיט דמשק און רבת־עמון, אויסער ליביע, סאַודיע, מצרים און אַנדערע, וואָס האָבן צווישן די פּאַלעסטינעזער זייערע אָנהענגערס, בעת די עקסטרעמע, לינקיסטישע טעראָר־גרופן געניסן פון אַ באַזונדערער סימפּאַטיע און שטיצע מצד מאָסקווע,

האַוואַנאַ, מזרח־בערלין. נאָר די אַלע שפּליטערס, גרופּן און אָרגאַניזאַציעס,זענען אייניק אין זייער האַס צום ציוניזם, צו ישראל, צו יידן.

5

ווען צה״ל האָט אָנגעהויבן די ליטאַני־אַקציע, איז די כוונה געווען — קומען צו אַ הסכם מיט די רעגירונגען פון ביירוט און דמשק בנוגע דער טעראָריסטן־״קאָלאָניע״ אין דרום־לבנון. נאָר צוליב דעם וואָס וואַשינגטאָן האָט זיך צוגעאײַלט צו אַלאַמירן דעם זיכערקייט־ראַט, וואָס האָט דאָסמאָל זייער שנעל באַשלאָסן צו שיקן קיין לבנון די ״זעלנער מיט די בלויע קאַסקן״ — און אויך מאָסקווע האָט געגעבן איר שטילע הסכמה צו דעם באַשלוס — זענען אַלע גוטע כוונות פון דער ישראל־רעגירונג, עטוואָס קאַליע געוואָרן. ישראל איז גרייט צוריקצוציען אירע כוחות — דער באַדינג איז אָבער, נאַטירלעך, עס זאָל נישט בלייבן קיין פוסטער חלל, די אונ״אָ־זעלנער זאָלן זײַן גענוג אין דער צאָל און גענוג דעצידירט נישט צוריקצולאָזן די טעראָריסטן צו דער ישראלדיקער גרענעץ.

(פאַ״צ י־ם, אפּריל־מאי 78 ;)

# 30 יאָר מדינת ישראל

אין טאָג פון 14 מאי 1948, ווען דוד בן־גוריון האָט אין תל־אביבער מוזעאום פּראָקלאַמירט די אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל, האָט דער ישוב דאָ און יידן אין דער דיאַספּאָראַ דערפילט, אַז ס'איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן דער צוויי־טויזנט יאָריקער טרוים, בענקשאַפט, תפילה און באַגער פון צעזייטן און צעשפּרייטן יידישן פאָלק אין זיין דורות־לאַנגער וואַנדערונג איבער לענדער און קאָנטינענטן, באַגלייט מיט אַ סך האָפענונגען, און נישט ווייניקער אַנטוישונגען, צו ווערן מיט אַלע פעלקער גלייך.

– 1 –

שוין דאָס ערשטע יאָר פון יידישער זעלבשטענדיקייט איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון אַ מלחמה, וועלכע די אַראַבישע שכנים האָבן אויפגעצוווּנגען אויף דער נאָר־וואָס אנטשטאַנענער מדינה. שונאים פון נאָענט און פון ווייט האָבן פשוט נישט פאַרגינען דעם שווער־געפּרוּווטן פאָלק אונדזערן אייגענע מלוכהשקייט. די שארית־הפליטה אין אייראָפּע האָט אָבער געטראַכט אַנדערש. פּאַראַלעל מיטן פאַרמעסט אויף די שלאַכטפעלדער, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מאַסן־עליה, וועלכע ס'האָט באַדאַרפט אויפנעמען און איינאָרדענען דער 650 טויזנטקעפּיקער יידישער ישוב אין לאַנד, מיטן גלייכצייטיקן פאַרלייגן די פונדאַמענטן פאַר אַן אייגענערווירטשאַפט, קולטור, אַרמיי. די אַלע פּראָבלעמען, אויפגאַבן און ראַנגלענישן פון ערשטן יאָר,באַגלייטן אונדז די גאַנצע צייט און שטייען אויך איצט אויפן טאָג־אָרדענונג, ווען מיר פייערן און פרייען זיך מיט דרייסיק יאָר מדינה:

דראַנג צו שלום; אויסמיידן מלחמות; עקאָנאָמישער וווילזיין; איינפלאַנצן וואָס מערער בילדונג, דערציונג און קולטור; אויסהאַלטן אַ שטאַרקע אַרמיי; פעסטיקן דעם בונד און סאָלידאַריטעט צווישן ישראל און די תפוצות. און איבער אַלעמען, היינט מערער ווי תמיד, גייט ווייטער אָן דער קאַמף וועגן כאַראַקטער, אינהאַלט, רעזשים, צילן און אויפגאַבן — דאָס וואָס מען באַצייכנט מיט איין וואָרט: קוואַליטעט פון דער יידישער מדינה.

– 2 –

מיט אַ סך ליידנשאַפט און טעמפּעראַמענט, איז פאַר דער שואה אָנגעגאַנגען דער ויכוח: יאָ אָדער ניין אַ יידישע מדינה. אין דער תקופה פון ערב חורבן איז נישט געווען קיין נאַציאָנאַלער קאָנצענזוס בנוגע דער נויטווענדיקייט פון אַן אייגן לאַנד. די פרומע יידן פון אגודת ישראל, די

וועלטלעכע פּאָלקיסטן, דער סאָציאַליסטישער "בונד" און יידישע קאָמוניסטן האָב באַקעמפט דעם ציוניסטישן אידעאַל, אויסגעלאַכט "די יידישע מלוכה מיט ענגלישע פּעסער"... ערשט דער אומברענג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק דורך די דייטשישע רוצחים, האָט אָפּגעטעמפּט די אינערלעכע מחלוקתן. נעכטיקע קעגנערס האָבן נישט געוואַגט זיך אַרויסצוזאָגן עפנטלעך קעגן אַ יידישער מדינה, אפילו געגעבן דערצו זייער שטילע הסכמה, בפרט נאָך, אז זיי אַליין האָבן געזוכט אַ מעגלעכקייט צו קומען אַהער פון דעם גרויסן, יידישן בית־הקברות אין אייראָפּע.

אונדזער פּיין און אומגליק אין די געטאָס, דייטשישע לאַגערן און טויט־פאַבריקן, האָט אפילו גערירט פאַרשטיינערטע הערצער פון צינישע פּאָליטיקערס און ראַפינירטע דיפּלאָמאַטן, וואָס אויסער זייערע אייגענע חשבונות און אינטערעסן, האָבן זיי אויך עטוואָס זיך איבערגענומען מיטן יידישן גורל — און דעם 29סטן נאָוועמבער 1947, האָט די פול־פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ יידישע מדינה אין אַ צעטיילטער ארץ־ישראל. די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט האָט אָבער פאַרמאַכט די טויערן פון לאַנד און נישט געהאַט בדעה צו רעכענען זיך מיטן אונ"אָ־באַשלוס און ווייטער פאַרבלייבן אין ארץ־ישראל — הגם אין יענער צייט האָט לאָנדאָן מוותר געווען אויף דער שענסטער פּערל פון איר אימפּעריאַליסטישער קרוין — אינדיע. נאָר אַ גאַנצע ריי יידישע, ווי אינטערנאַציאָנאַלע גורמים, האָבן דערפירט צו דעם גרויסן נצחון:

די הונדערטער טויזנטער פּליטים אין די די.פּי.־לאַגערן אין די אַמעריקאַנער און ענגלישע זאָנעס אין דער אָקופּירטער דייטשלאַנד;

די שארית הפליטה אין מזרח־אייראָפּע.

דער פּאָגראָם אין קעלץ אין יולי 1946.

די יידן אין אַמעריקע.

נאָר, חלילה, צו פאַרגעסן דערביי די אַנטשיידנדיקע און דאָמינירנדיקע ראָל פונעם קליינעם, נאָר שעפערישן, קעמפנדיקן און דינאַמישן ישוב אין לאַנד גופא. די חלוצישע טאַט פון די ביל"ו־מענטשן, די אידעאַליסטן פון דער צווייטער און דריטער עליה, די קעמפערס פון דער הגנה, פלמ"ח און אַנדערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַ דאַנק זייער מי, שוויס, בלוט און קרבנות, איז געשאַפן געוואָרן די געזונטע באַזע פאַר מלוכהשער זעלבשטענדיקייט.

— 3 —

אַזאַ דאַטע ווי 30 יאָר מדינה, פאָדערט אויך צו כאַפּן אַ בליק צוריק, אויף דעם אָפּגעלאָפענעם דריי־צענדליק, וועלכן מ'דאַרף באַצייכענען ווי דעם שטורעם־און־דראַנג־פּעריאָד פון אויפטוען, גערانגל און דערגרייכונגען, וועלכע האָבן נישט זייערס גלייכן ביי אַנדערע, ווייל יעטוועדע אַנאַלאָגיע מיט אַן אייראָפּעישער צי אַמעריקאַנער מדינה, וועט נישט אויסהאַלטן דעם פּרווו...

וועלכעס לאַנד אין דער וועלט האָט אין משך פון אַזא קורצער תקופה געהאַט אויסצושטיין פינף מלחמות און דערביי באַזיגן אַ פילפאַך שטאַרקערן שונא; אויפגענומען און איינגעאָרדנט אַ מיליאָן זעקס הונדערט טויזנט עולים פון 102 לענדער; אויפגעשטעלט קאַרגע טויזנט לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים; אַנטוויקלט אַן אינדוסטריע און מיליטערישע פּראָדוקציע; דערגרייכט אַ לאַנדווירטשאַפט וואָס דעקט 75% פונעם אייגענעם שפּייז־פאַרברויך; דער אַגראַר־עקספּאָרט איז פון 1948 געשטיגן אַכט מאָל אַזוי פיל; צענדליקער אינסטרוקטאָרן פון אונדזערע קיבוצים און מושבים לערנען פויערים אין לאַטיין־אַמעריקאַנער, אַפריקאַנער און אַזיאַטישע לענדער; אויפגעשטעלט שטעט און דערפער, אוניווערסיטעטן און דערגאַנגען צו אַן אייגענעם האַנדלספלאָט פון הונדערטער שיפן און לופט־פאַרבינדונג מיט דער וועלט. היינט די קיבוצים, מושבים, די הסתדרות — בעצם די אַלע חלוצישע כוחות, וואָס אויף זייער חשבון, אַ דאַנק זייער טרוים, וויזיע און מעשים טובים, דאַרפן צוגעשריבן ווערן די אַלע וווּנדערבאַרע און ביישפּיללאָזע אויפטוען.

ציפערן זענען נישט קיין אינטערעסאַנטער לייען־מאַטעריאַל, זיי הערן אָבער נישט אויף צו זיין תמיד באַלערנדיק. אַז מען מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דער צאָל פון 22 טויזנט טוריסטן אין 1949 און דעם מיליאָן אין 1977, אָדער צווישן די 483.000 עולים וואָס זענען געקומען אין לאַנד אין פאַרלויף פון 30 יאָר בריטישער הערשאַפט און די העכער אַנדערהאַלבן מיליאָן אין די אָפּגעלאָפענע 30 יאָר יידישע מדינה; צי מען פאַרגלייכט דעם ישראלדיקן אינדוסטריע־עקספּאָרט פון 1950, וועלכער האָט באַטראָפן 18 מיליאָן דאָלאַר און איז פאָריקן יאָר דערגאַנגען ביז 2 מיליאַרד 570 טויזנט דאָלאַר — מעגן די אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס האָבן אין די יאָרן פון מאַי 1948 ביז מאַי 1977, אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די לאַסט, אחריות און זאָרג — זיין שטאָלץ און מוטיק, הגם אַ סך פעלערן, און אפילו פאַרקריפּלונגען, האָבן זיך געלאָזט אויסמיידן.

— 4 —

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן אין באַדינגונגען פון פיינטלעכן אַרום, מיט טעראָר, בויקאָט און בלאָקאַדע פון שכנים און אינטריגעס און באהערשונג־ווילן מצד די גרויסמאַכטן און אַנדערע מדינות. בעת די ארץ־ישראל מאָטיוואַציע ביי יידן איז געווען אַ נאַציאָנאַלע, היסטאָרישע און עמאָציאָנעלע, האָבן די אַנדערע געקוקט אויף דעם דאָזיקן ווינקל מיט אימפּעריאַליסטישע אויגן, געזען דאָ אַ געאָ־פּאָליטישן און סטראַטעגישן טרעפפּונקט פון דריי קאָנטינענטן: אייראָפּע, אזיע און אפריקע און וויכטיקע נאַוויגאַציע־וועגן, אויסער דעם, איז דער ראַיאָן פאַרבונדן מיטן געבורט און אַנטוויקלונג פון דריי רעליגיעס. איז נישט קיין ווונדער, אַז הגם דאָס לאַנד איז "צוגעזאָגט געוואָרן" פאַר יידן, האָבן זיך מיט דעם אינטערעסירט אויך קריסטן און מוסולמענער, גרויסמאַכטן און מיטלמעסיקע מדינות, גענעראַלן און פּאָליטיקערס, אַזוי נעכטן ווי היינט, מיט דער שוואַכער אויסזיכט, אַז שוין מאָרגן וועט דערצו נעמען אַ סוף...

— 5 —

אַ היסטאָרישער פאַקט: די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אונדז געגעבן די באַלפור־דעקלאַראַציע; די צווייטע וועלט־מלחמה — מלוכהשע זעלבשטענדיקייט; די יום־כיפור־מלחמה אַ געוויסע אויסניכטערונג ביי די אַראַבישע שכנים, אַז מיט פייער און שווערד גייט נישט צו באַזיגן ישראל. אַנשטאָט האַרמאַטן — ריידן פון יאָר 1973 דיפּלאָמאַטן. גראָד דאָס דרייסיקסטע יאָר פון מדינת ישראל, מערער ווי תמיד, שטייט אונטערן צייכן פון אומאויפהערלעכע, אינטענסיווע פּאָליטישע געשפּרעכן צווישן ירושלים־קאַיר־וואַשינגטאָן. געשפּרעכן, וואָס זענען פון באַזונדערער חשיבות און גורלדיקייט, נאָכן היסטאָרישן באַזוך פון מצרישן פּרעזידענט, ענואר סאַדאַט, אין ירושלים.

נאָר מיט אַ יאָר צוריק, דעם 17טן מאַי 1977, האָבן די רעכטע כוחות, בראש מיטן ליכוד, באַקומען אַ מערהייט אין דער איצטיקער כנסת. די אויסגעשטרעקטע האַנט פון סאַדאַטן איז נישט געבליבן הענגען אין דער לופט. מנחם בעגין האָט זי אונטערגעכאַפּט. ס'איז אַוועק אַ גאַנג פון ערנסטע, פּאָליטישע דיאַלאָגן צווישן ביידע מנהיגים. אַמאָל — דירעקטע געשפּרעכן; לעצטנס — מיט דער הילף פון אַמעריקע. נאָר אַ געפּיל איז פאַראַן, אַז צוליב דער דאָקטרינערישער איינשטעלונג, נאַציאָנאַליסטישן מיסטיציזם און מיליטאַריסטישן אַקטיוויזם פון דער איצטיקער רעגירונג, בראש מיט איר פּרעמיער־מיניסטער, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער "מאָמענטום" פונעם משא־ומתן צווישן עגיפּטן און ישראל, זאָל ווערן אָפּגעשוואַכט, אָדער, חלילה, אין גאַנצן זיך אָפּשטעלן.

בעגינס סטראַטעגיע, אַז עס וועט זיך לאָזן "קויפן" עגיפּטן מיטן צוריקגעבן איר גאַנץ סיני, אבי סאַדאַט זאָל זיך נישט באַשעפטיקן מיטן גורל פון יהודה און שומרון — איז דורכגעפאַלן, פּונקט ווי וואַשינגטאָן, קאַיר און אַנדערע הויפּטשטעט ווילן נישט געבן זייער צושטימונג צו דיינ'ס און בעגינ'ס אויסגעקלוגלטע קאָמענטאַרן בנוגע דעם באַשלוס 242 פון זיכערקייט־ראַט. די לאָזונג "שלום איצט", וועלכע ס'האָבן געוואָרפן 300 צה"ל־אָפיצירן (אין רעזערוו) און געוואָרן אונטערגעכאַפּט פון צענדליקער טויזנטער בירגער אין לאַנד אויף דער מאַניפעסטאַציע אין

תל־אביב און אין פעטיציעס, אוידיענצן און דעמאָנסטראַציעס, באַווייזן, אַז עס זענען פֿאַראַן אין לאַנד כוחות, וואָס ווילן בעסער ריזיקירן מיט אַ... שלום פֿאַרן פּריַיז פֿון אַ טעריטאָריאַלן קאָמפּראָמיס אויף אַלע פראָנטן, איידער אויסשטעלן די מדינה אויף דער געפֿאַר פֿון נאָך אַ מלחמה־רונדע...

צום באַדויערן, איז דער ויכוח מיט דער בעגין־ערליך רעגירונג איצט, אין דרייסיקסטן יאָר פֿון מדינת ישראל, נישט נאָר אויפֿן פּאָליטישן געביט, ווי: עלאַסטישקייט אנשטאָט דאָקטרינערישקייט; פֿריינדשאַפֿט און הסכמה מיט די פֿאַר. שטאַטן, אָנשטאָט פֿאַרשאַרפֿן די מחלוקת; אויפֿהערן חלומען וועגן הערשן איבער אַ מיליאָן אַראַבער אין עזה־ראַיאָן, יהודה און שומרון און איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט חוסיינען — נאָר טאַקע אויך אויפֿן אינערלעכן פראָנט.

פֿאַר דעם קאַרגן יאָר העשאַפֿט פֿון ז ער ליכוד־רעגירונג, זענען די גבירים אין ישראל נאָך מער באַרייכערט געוואָרן און די לוין־אַרבעטער — פֿאַראָרעמט. די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט. די בערזע איז געוואָרן אַ דאָמינירנדיקער פֿאַקטאָר אין דעם אומגעצוימטן געיעג נאָך לייכטע רווחים. די טענדענץ פֿון דער רעגירונג איז צו פֿאַרקויפֿן מלוכשע אונטערנעמונגען צו פּריוואַטע אייגנטימערס און דעמאָנסטרירן כוח לגבי דער הסתדרות און דער אַרבעטערשאַפֿט, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק בעתן שטרייק אין האַנדלס־פּלאָט און אין "אל־על". עס אונטערליגט נישט קיין ספֿק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קאַלטבלוטיקער פּ/אַנירונג און רעאַליזירונג פֿון די רעאַקציאָנערע עקאָנאָמישע טעאָריעס פֿון פּראָפּ׳ מילטאָן פֿרידמאַן.

דרייסיק יאָר יידישע מדינה, דערמאָנען אין אַ געוויסער מאָס דעם דרייסק־יאָריקן קריג, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט 330 יאָר צוריק — אַ קריג, וואָס איז אויסגעבראָכן צוליב פּאָליטישע קאָנפֿליקטן, אין וועלכע ס׳זענען געווען פֿאַרמישט טשעכיע, דענעמאַרק, שוועדן, פֿראַנקרייך, האָלאַנד, שפּאַניע, ענגלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד. ערשט אין יאָר 1648, האָבן די מלחמה־פֿירנדיקע צדדים זיך געזעצט ביים טיש אין וועסטפֿאַליע און אונטערגעשריבן אַ שלום־אָפּמאַך, וואָס האָט גאַראַנטירט רעליגיעזע פֿרייהייט און פֿאַרקלענערטע השפּעה פֿון עסטרייך אויף איר דייטשישן שכן.

נאָך איידער די אונ"אָ האָט געשיקט אין אונדזער ראַיאָן אירע סאָלדאַטן און דיפּלאָמאַטן אין די יאָר 1948, 1956, 1967, 1973 און אין 1978, איז דער נאָענטער און מיטעלער מזרח געווען אַן אַרענע פֿון אומאויפֿהערלעכע פֿאַרמעסטן צווישן אַ סך לענדער וועגן השפּעה — און ביזן היינטיקן טאָג האָבן זיי נישט אויפֿגעהערט מיט אינטריגעס, דרוק און דראָונגען. אָבער היי־יאָר, ווי געזאָגט — מערער ווי תמיד, זענען פֿאַראַן גוטע סימנים און ערנסטע שאַנסן, אַז ס׳זאָל נעמען אַ סוף צו די דרייסיק יאָר קאָנפֿליקט צווישן ישראל מיט די אַראַבער — אַ קאָנפֿליקט, וואָס וועט זיכערן אַ סך פֿרייהייטן (נישט בלויז רעליגיעזע) די פֿעלקער, באַפֿרייען זיי פֿונעם פּחד און גרוילן פֿון דער מלחמה. און פֿאַר דער יידישער מדינה — די פּערספּעקטיוו צו פֿאַרגרעסערן די עליה, שטאַרקן איר עקאָנאָמישן און קולטורעלן פּאָטענציאַל, איינשטעלן פֿרידלעכע באַציונגען מיט די שכנים און די אויפֿגעבלאָזענע מיליטערישע בודזשעטן איבערווייזן פֿאַר מער קאָנסטרוקטיווע צוועקן.

אַזעלכע זענען אונדזערע מחשבות, פֿאַרלאַנגען און האָפֿענונגען אין 30 סטן יום העצמאות פֿון מדינת ישראל.

(י"ש ת"א, 10.5.78).

# מינדערהייטן אין ישראל

## די האַרבע דילעמע

"איך בין אַן אַראַבער און גלייכצייטיק אַ בירגער פֿון מדינת ישראל. מיין פּראָבלעם איז דער, וואָס צווישן מיין פֿאָלק און מדינה הערשט מלחמה־צושטאַנד — און איך געפֿין זיך צווישןביידע"... די דאָזיקע ווערטער פֿון אבדול על־אַזיז זואַבי, פֿאַרשטאָרבענער כנסת־דעפּוטאַט פֿון

מפ״ם און ערשטער אַראַבישער וויצע־מיניסטער פון דער ישראל־רעגירונג, האָט דאָ נישט לאַנג ציטירט דער נשיא פון מדינת ישראל, יצחק נבון, אויף דעם יידיש־אַראַבישן צוזאַמענטרעף אין קיבוץ גינוסר.

אָן שום ספק, אַז די דערמאָנטע ציטאַטע באַצייכנט די פּאַקטישע לאַגע און ערנסטע מחשבה ביי יענע אַראַבער, וואָס זוכן אַ סינטעזע צווישן זייער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט (מיטן אַראַבישן פֿאָלק) און מלוכהשער אָנגעהעריקייט (צו דער יידישער מדינה), וואָס דערמאָנט, אין אַ געוויסער מאָס, דאָס פּראָבלעם דאָפּלטע לאָיאַליטעט פון אחינו בני ישראל אין די תפוצות. נאָר איצט זענען מיר אַ הערשנדיק פֿאָלק ביי זיך אין לאַנד, נאָך דעם ווי מ׳האָט אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן געפילט דעם טעם פון אַליין זיין אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט ביי יענעם: אַמאָל, הגם זעלטן — אַ געוואונטשענע מינדערהייט; טיילמאָל אויך — אַ טאָלערירטע; נאָר בדרך כלל — אַ דיסקרימינירטע און גערודפטע.

דעריבער פּאָדערט זיך צו באַטראַכטן אַזאַ קאָמפּליצירטן ענין ווי אַראַבער און דרוזן אין מדינת ישראל סיי פון היסטאָרישן אַספּעקט, סיי פון שטאַנדפּונקט פון די אַקטועלע אינטערעסן פון ישראל, וועלכע געפינט זיך נאָך אַלץ אין באַלאַגערונג און בעל־כורחו, צוליב אָביעקטיווע סיבות, געמוזט טיילמאָל ״האַלטן קורץ״ אירע מינדערהייטן. נאָר־ווי אַ דעמאָקראַטישע מדינה, איז זי דאָך פאַרפליכטעט צו באַפרידיקן די קולטורעלע און עקאָנאָמישע באַדערפענישן, ווי אויך שטאַרק זיך רעכענען מיט די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, רעליגיעזן אייגנאַרט, טראַדיציעס און לעבנס־שטייגער פון אירע מינדערהייטן. אַלץ צוזאַמען איז תמיד געווען — און איז אויך היינט — אַ האַרבע דילעמע פאַר אַלע אָן אויסנאַם ישראל־רעגירונגען, פון מאַי 1948 ביז איצט. די לאָזונג פון חיים וויצמאַן ״מיר ווילן בויען מיט די אַראַבער אַ בשותפותדיק פאָטערלאַנד״ — איז נישט געגאַנגען צו רעאַליזירן אָן שטרויכלונגען, קאָמפּליקאַציעס און קריזיסן.

## אַ קאָנפליקט צווישן צוויי נאַציאָנאַלע באַוועגונגען

דער רוב פּרווון מצד די יידן צו דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער, איידער די מדינה איז אַנטשטאַנען — האָבן זיך נישט איינגעגעבן, ווי דאָס האָבן באַוויזן די פּאָגראָמען אין די יאָרן 1921, 1929, 1936 — 1939 און די אַראַבישע אינוואַזיע דעם 14טן מאַי 1948, אין טאָג פון פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה. נאָך אין יאָר 1920 האָט דער אַל־סירישער קאָנגרעס אין חיפה אָנגענומען באַשלוסן קעגן עליה, ציוניזם און קעגן אַנערקענען די העברעישע שפּראַך, ווי איינע פון די דריי שפּראַכן אין דער מאַנדאַטאָרישער ארץ־ישראל. מיט 2 יאָר פריער, אין 1918, איז יאָ דערגרייכט געוואָרן אַ שטיקל הסכם צווישן חיים וויצמאַן און דעם מלך פייצאַל — ער האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אין 1925 פּראָקלאַמירן די אַראַבער אַן אַלגעמיינעם שטרייק קעגן באַזוך פון לאָרד באַלפור אין לאַנד, באַגלייט מיט אַ רעליגיעזער העצע, אַז די יידן ווילן פאַרכאַפּן אַלע הייליקע ערטער. אין 1937 — ווידער אַ פּאַן־אַראַבישע קאָנפערענץ, וועלכע רופט צו אַנערקענען ארץ־ישראל ווי אַן אינטעגראַלן טייל פון אַראַבישן פאָטערלאַנד, בטל מאַכן די באַלפור־דעקלאַראַציע און דעם בריטישן מאַנדאַט. אין 1945 ווערט געשאַפן די אַראַבישע ליגע, צו קאָנסאָלידירן דעם אַנטי־ישראלדיקן קאַמף מיט מערער שווונג.

די באַפרייונג־מלחמה אין 1948 און די מפּלה פון די איבערוויגנדיקע אַראַבישע כוחות, האָט פאַרשאַרפט זייער שנאה, באַזונדערס נאָך דעם, ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן דאָס פּליטים־פּראָבלעם פון עטלעכע הונדערט טויזנט ארץ־ישראלדיקע אַראַבער, אַנטלאָפענע פון לאַנד אויפן רוף פון זייערע פאַנאַטישע מנהיגים. די אַראַבישע ליגע באַשליסט וועגן אַן אַלגעמיינעם באָיקאָט קעגן דער יידישער מדינה; זי שיקט צו אונדז טעראָריסטן און רוצחים; וויל אָפּשטעלן די עליה און אַנטוויקלונג פון לאַנד און אונדז איזאָלירן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע.

ווי אַן ענטפער אויף דעם אַלעמען, ווי אויך מיטן מאָטיוו פון זיכערקייט, ווערט לגבי דער אַראַבישער מינדערהייט אין גליל, דרייעק און אין נגב, איינגעשטעלט אין יאָר 1948 אַ מיליטערישע פאַרוואַלטונג און אויפזיכט. די איינוווינערס פון די גרענעץ־ראַיאָנען און

עמפינדלעכע מקומות זהאָבן זיך באַדאַרפט פאַרזאָרגן מיט ספּעציעלע דערלויבענישן אויף צו באַזוכן אַנדערע ערטער אין לאַנד. ערשט אין יאָר 1966, אויף דער פאָדערונג פון ליבעראַלע, דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע כוחות, ווערט אָפּגעשאַפט די מיליטערישע פאַרוואַלטונג.

אין יאָר 1965 ווערט געשאַפן דער "פּאַלעסטינער באַפרייונגס־פראָנט". הגם צעשפּליטערט אויף אַ סך גרופּן און גרופּקעלעך, פאַראייניקט די דאָזיקע דאַך־אָרגאַניזאַציע איין ציל: מיט באָמבעס, קאַטיושעס, דינאַמיט און קוילן מאָרדן וואָס מערער פרויען, מענער, קינדער און זקנים, כדי "דערגיין די יאָרן" דער יידישער מדינה.

פון דער ערשטער עליה מיט הונדערט יאָר צוריק ביזן היינטיקן טאָג, געפינען זיך די צוויי נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, דער ציוניזם און פּאַן־אַראַביזם, אין אַ פּערמאַנענטן צוזאַמענשטויס. עס קלינגט אפשר ווי אַ פּאַראַדאָקס, נאָר ס'איז אַ פאַקט, אַז גראָד דער ציוניזם איז געווען דער כוח וואָס האָט אַרויסגעברענגט אויף דער אויבערפלאַך דעם נאַציאָנאַליסטישן פּאַן־אַראַביזם. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס נאָך אַזאַ לאַנגדויערנדיקן קאָנפליקט צווישן ביידע פעלקער, זענען פאַראַן אַלערליי תשובות, ווי אַזוי לייזן דאָס מינדערהייט פּראָבלעם אין ישראל. אַ סך זענען טיף איבערצייגט, אַז אונדזערע מינדערהייטן אידענטיפיצירן זיך מיט דער אַראַבישער וועלט; פאַראַן ביי זיי אָפענע, צי באַהאַלטענע הסכמה מיט יאַסער אַראַפאַט, שוין אָפּגערעדט פון די אירידענטע שטימונגען ביי דער יוגנט. דאַקעגן וועלן אַנדערע טענהן, אַז פאַר די העכער 31 יאָר עקזיסטענץ פון דער מדינה, זענען אונדזערע מינדערהייטן געווען לאָיאַל, אַרויסגעוויזן גוטן ווילן מיטצואַרבעטן, צו לעבן בשלום מיט דעם יידישן רוב, נוסח קאָ־עקזיסטענץ אָדער דעטאַנט, ווי... ביידע גרויסמאַכטן. אין די פיר מלחמות מיט די שכנים, וועלכע האָבן זייער המשך אין טעראָר, איז ביי די ישראלדיקע אַראַבער דאָך נישט געווען בנמצא דאָס וואָס מען רופט "פינפטע קאָלאָנע".

אמת, פאַראַן עקסטרעמיסטן פון ביידע צדדים. בעת הרב כהנא פאָדערט אַן עקסאָדוס פון די מינדערהייטן אין ישראל, געפינען זיך געציילטע אָנהענגערס פון "מצפּן" וואָס זענען מסכים מיט יאַסער אַראַפאַט צו שאַפן אַ וועלטלעך־דעמאָקראַטישע מדינה אויפן אָרט פון מדינת ישראל.

איידער מיר ברענגען אַ בינטל ציפערן וועגן געוויסע מחשבות פון אַראַבער אין באַצוג צו דער יידישער מדינה, ציוניזם און פּאַלעסטינעזער — לאָמיר נישט פאַרפעלן אויך אָנצוגעבן טיילווייזע רעזולטאַטן פון אַן ענלעכער אנקעטע, וועלכע יידישע געלערנטע האָבן דורכגעפירט צווישן אונדזעריקע.

## יידן איילן זיך נישט צו חברן מיט אַראַבער

באַלד נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, האָט מען ביי דער יידישער דערוואַקסענער באַפעלקערונג אַדורכגעפירט אַ מין גאַלופּ־פאָרשונג וועגן דער גרייטקייט פון יידן צו חברן זיך מיט ישראל־ אַראַבער. סוף 1978 און אָנהייב 1979 האָט מען ווידער געשטעלט כמעט די זעלבע פראַגן. ווייזט זיך אַרויס, אַז פאַר די אָפּגעלאָפענע 12 יאָר, איז דער געזעלשאַפטלעכער מרחק צווישן ביידע פעלקער געוואָרן קלענער, הגם ער איז נאָך איצט גאַנץ באַדייטנדיק. אַ גרעסערע צאָל יידן, ווי אין 1967, האָט דעקלאַרירט זייער גרייטקייט צו וווינען מיט אַראַבער אין איין קוואַרטאַל, אויך אין איין הויז, אפילו זיך חברן מיט אַראַבער. פאַר דער צייט איז אויך געשטיגן די צאָל באַזוכן פון יידן אין אַראַבישע היימען. עס האָט זיך פאַרקלענערט די צאל יידן (פון 1967 ביז 1979), וואָס האַלטן זיך "עפּעס העכער" פון די אַראַבער.

אין אַפּריל ה.י. האָט אַן אַנדערע אַנקעטע באַוויזן, אַז 85% פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג איז ביי דער מיינונג, אַז דער רוב אַראַבער באַטראַכט זיך ווי אַראַבער־פּאַלעסטינעזער. 41% פון די געפרעגטע יידן האַלטן, אַז דער רוב מינדערהייטן אין ישראל באַטראַכטן זיך ווי ישראלדיקע אַראַבער און מער ווי אַ העלפט איז ביי דער מיינונג, אַז מיטן דערגרייכטן שלום מיט עגיפּטן, וועט ביי די ישראלדיקע אַראַבער זיך שטאַרקן די אידענטיפיצירונג מיט די פּאַלעסטינעזער (הראיה: אַ פאָרשונג צווישן אַראַבישע אַקאַדעמיקער אין ישראל האָט

אויסגעפונען, אַז אַ מערהייט באַטראַכט זיך קודם כל פאַר פּאַלעסטינעזער, ווינציקער פון זיי האַלטן זיך פאַר ישראלדיקע אַראַבער).

אין יוני 1967 זענען 31% געפרעגטע יידן גרייט געווען צו באַפריינדן זיך מיט אַ ישראלדיקן אַראַבער, אָן וועלכע ס'איז באַוואָרעניש. אין אַפּריל 1979 איז די דאָזיקע גרייטקייט געשטיגן ביז 59%. צו ווינען אין דעם זעלבן הויז – 24% (יוני 67' און 38% אַפּריל 79'). אין יוני 67' האָבן 58% נישט באַזוכט קיינמאָל אַן אַראַביש הויז, און אין יאָר 79' – נאָר 46%.

אויך ביי יידן זענען פאַראַן אַ סך מחשבות, וואַקלונגען און פּאָראורטיילן, וועלכע זענען ווייט פון דער לאָזונג "פעלקער־פאַרברידערונג", הגם אין די לעצטע יאָרן,ווי געזאָגט, איז פּאָרגעקומען אַן ענדערונג צום בעסערן.

און וואָס טראַכטן די אַראַבער וועגן אונדז?

**אַ פּאָרשונג וואָס רופט אַרויס זאָרג און מיינונג־פאַרשידנהייטן**

מיט 2 חדשים צוריק האָט די פּרעסע אָפּגעדרוקט די רעזולטאַטן פון אַ וויסנשאַפטלעכער פּאָרשונג (אַנקעטע) מיט 250 פראַגן, וועלכע האָט אַרומגענומען 722 מוסולמענער, דרוזן און בעדואינער, פון 16 יאָר אָן און העכער. בעת דער נאָמען פון פּאָרשער איז באַקאַנט – ד"ר סעמי סאמוכא, לעקטאָר אין חיפהער אוניווערסיטעט, זענען די געפרעגטע אַנאָנימע מענטשן, וואָס האָבן אָבער נישט אויסבאַהאַלטן זייערע מיינונגען, ווען מ'האָט באַדאַרפט געבן אַ תשובה. ד"ר סאַמוכאַ גלייבט, אַז די העכער 700 אינטערוויואירטע, זענען אַ רעפּרעזענטאַטיווער קווערשניט פון דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד – און ס'איז כדאי צו באַקענען זיך מיט די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע:

50% אָנערקענען נישט די עקזיסטענץ־רעכט פון דער מדינה.

64% טענהן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַ ראַסיסטישע.

87% האַלטן, אַז ישראל דאַרף זיך אומקערן צו די גרענעצן פון 4טן יוני 1967.

59% לייגן פאָר צוריקגיין צו די חלוקה־גרענעצן פון אונ"אָ, אין 1947.

75% שטיצן די גרינדונג פון אַ פּאַלעסטינעזער מדינה.

64% האַלטן, אַז מ'דאַרף אָפּשאַפן דעם "חוק השבות" (געזעץ פון כנסת וועגן דער רעכט פון יידן זיך אומצוקערן אין זייער לאַנד, ישראל).

48% באַצייכענען זיך ווי פּאַלעסטינעזער.

50% זענען גרייט צו לעבן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין ישראל, מיטן באַדינג, אַז די מדינה זאָל אויפהערן צו זיין אַ ציוניסטישע.

35% באַטראַכטן זיך ווי אָנהענגערס פון אַראַבישן "אָפּזאָג־פראָנט", וועלכער אַנערקענט נישט דעם שלום־אָפּמאַך צווישן ישראל און עגיפּטן.

15%, נישט מער, מעג מען צורעכענען צו די א. ג. פּראַגמאַטיסטן, וואָס ווילן זיך צופּאַסן צו דער קאָנקרעטער לאַגע.

אַן אַנדערע קאַטעגאָריע פראַגן, פון די 250, באַשעפטיקט זיך מיט די אינערלעכע פּראָבלעמען פון די מינדערהייטן. אויך דאָ מערקט זיך אַ הויכער פּראָצענט ענטפערס פאַר אַ וואָס גרעסערע זעלבשטענדיקייט:

פאַר זעלבשטענדיקע מוניציפּאַליטעטן – 87%; אייגענער חינוך – 82%; אוניווערסיטעטן (71%); אייגענע ראַדיאָ, טעלעוויזיע, פּרעסע – 69%; אינדוסטריע – 74%; פּראָפּ. פאַראיינען – 69%; אַן אומאָפּהענגיקע, נאַציאָנאַלע אַראַבישע פּאַרטיי – 63%. דאָך איז כמעט אַ העלפט איבערצייגט (49%), אַז רק"ח פּאַרטיידיקט אַראַבער אין ישראל.

ס'איז נישט געווען קיין סוד, אַז ביז יוני 1967 האָבן די ישראלדיקע אַראַבער זיך באַטראַכט ווי אַ חלק פון די פּאַלעסטינעזער, נאָר זייענדיק אָפּגעשניטן פון די שכנותדיקע לענדער, איז דער ענין געווען ווי איינגעדרימלט. נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, האָט זיך אָנגעהויבן די "פּאַלעסטיניזאַציע" פון אונדזערע אַראַבער, וואָס האָט איר המשך אין זייער ראַדיקאַליזאַציע, ווי

דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ביי די וואַלן צו דער ניינטער (איצטיקער) כנסת: דער אַראַבישער סעקטאָר האָט 50.6 פּראָצענט פון זיינע שטימען אָפּגעגעבן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי – רק״ח, בעת ביי דער ערשטער כנסת, איז דער פּראָצענט געווען בלויז 22.2, און ביי דער אַכטער כנסת – 38.7. נישט אַנדערש, רק״ח איז אַנערקענט געוואָרן אין אַראַבישן ישוב ווי דער סימבאָל פון פיינטלעכן, אַנטי־ישראלדיקן נאַציאָנאַליזם. אינטערעסאַנט, אַז ביי די אָנהענגערס פון רק״ח, ווי ביי די אַראַבער אין ישראל, איז נישטאָ אַזאַ דערשיינונג ווי ירידה. ויי פאַרלאָזן נישט דאָס לאַנד (הלוואי אויף אונדזערע יידן געזאָגט...).

ווי דערמאָנט, האָט די פאָרשונג פון אַראַבישן געלערנטן פון חיפהער אוניווערסיטעט אַרויסגערופן שטוינונג און זאָרג, אָבער אויך – מיינונג־פאַרשידנהייטן. די אָפּאָנענטן האַלטן, אַז ס׳איז נישט באַרעכטיקט אַזאַ אָנגעזעענער פּראָצענט אומצופרידענע אַראַבער, ווייל זיי געניסן דאָך פון גלייכבאַרעכטיקונג, זייער לעבנס־ניוואָ איז אַ פיל העכערער ווי אין די שכנותדיקן לענדער און אוודאי איז זיך נישט צו שעמען מיט די דערגרייכונגען.

## אויפטוען און דערגרייכונגען

צום איין־און־דרייסיקסטן יום העצמאות פון מדינת ישראל איז די צאָל יידן דערגאַנגען ביז 3 מיליאָן 158 טויזנט. די צאָל נישט־יידן – 602 טויזנט (16 פּראָצענט). די מינדערהייטן אין ישראל באַלאַנגען נישט צו איין נאַציאָנאַלער פאָרמאַציע און רעליגיע. די גרעסטע אין צאָל זענען די מוסולמענער – 447 טויזנט (78%); די קריסטן – 84 טויזנט (14%); דרוזן – 46 טויזנט (8%). די טשערקעסן ציילן אַ 3 טויזנט נפשות.

אייגענע, רעליגיעזע געריכטן (ווי ביי יידן) באַדינען די מינדערהייטן. 150 מעטשעטן זענען אָפן פאַר גלויביקע מוסולמענער. די קריסטלעכע עדה איז צעשפּליטערט אויף גריכיש־אָרטאָדאָקסישע, לאַטייני̇שע און פּראָטעסטאַנטישע קירכעס, אויסער די אַרמענער (אַ טויזנט מאמינים) און די קאָפּטער. אַ גאָר באַזונדערער שבט, נאַציאָנאַל און רעליגיעז, זענען די דרוזן. לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן דין באַהאַיער מיט זייערע 2 שיינע מקדשים אין חיפה און אין עכו.

אין יוני 1967 איז צו די ישראלדיקע אַראַבער צוגעקומען די גרויסע קאָנצענטראַציע פון זייערע ברידער פון מזרח ירושלים – אַ 66 טויזנט, וואָס היינט דערגייט זייער ציפער ביז 105 טויזנט. (נאָך אַ באַווייז אַז דער ציוניזם האָט נישט אַרויסגעשטויסן – און שטויסט נישט אַרויס – די אַראַבער, אויב אין מזרח ירושלים האָט זייער צאָל זיך פאַרגרעסערט מיט אַ 40 טויזנט נפשות אין משך פון 12 יאָר. אגב, אונדזערע אַראַבער צייכענען זיך אויס מיטן העכסטן פּראָצענט פון נאַטירלעכן צוּוווּקס – 4% אַ יאָר, בעת אין מצרים דערגייט ער נישט מער ווי ביז 2.5%).

די בעדואינער, וועלכע באַוווינען דער עיקר דעם נגב, ציילן אַ 42.000 נפשות. אייניקע בעדואינער, פונקט ווי דרוזן, דינען אין צה״ל און אין אַנדערע זיכערהייט־כוחות פון לאַנד.

דער רוב פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג וווינט אין דערפער, ווו ס׳איז איינגעשטעלט דער פּאַטריאַכאַלער סיסטעם פון ״כאַמולעס״. נאָר אַ דאַנק דער הערשנדיקער דעמאָקראַטיע אין ישראל, מיטן אַריינדרינג פון דער הסתדרות און די פּאָליטישע פּאַרטייען אינעם אַראַבישן סעקטאָר, ווערן ביסלעכווייז צעשטערט די אַלטע לעבנס־פאָרמען אין דאָרף.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער חינוך. בעת אין יאָר 1949 האָבן אין די פאָלקס־שולן געלערנט נאָר 11,129 אַראַבישע שילערס, איז היינט זייער צאָל – 165,000; אין די מיטלשולן – 14 (אין יאָר 1949) און 22,500 (אין 1979); סטודענטן – 10 און 1,000 (אין 1979).

אין דער תקופה פון בריטישן מאַנדאַט איז מער ווי אין אַ העלפט אַראַבישע דערפער, נישט געווען בנמצא קיין פאָלקס־שול. היינט־צו־טאָג איז אין יעדן אַראבישן ישוב פאַראַן איינע אָדער מערער פאָלקס־שולן.

אַ ספּעציעלע קאָמיסע פון בילדונג־מיניסטעריום האָט אין מערץ 1971 באַשטימט די אַלגעמיינע ליניע פון חינוך אין די אַראַבישע שולן:

דערציִען פאַר די ווערטן פון זיין שלום און זיין חשיבות פאַרן גאַנצן ראַיאָן; דערציִען צו טריישאַפט צו דער מדינה און גלייכצייטיק פלעגן דאָס ספּעציפישע, אייגנאַרטיקע ביי די ישראל־אַראַבער, אידענטיפיצירן זיי מיט די גרונט־ווערטן פון אונדזער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט; איינפלאַנצן ביי די תלמידים אַראַבישע, ישראלדיקע און אוניווערסאַלע קולטור־ווערטן.

מעגלעך, אַז דער דאָזיקער לערן־פּראָגראַם האָט געהאַט זיין גינסטיקע השפּעה אויפן יונגן דור. מ׳דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אויסער דער שול, ווירקט נאָך אויפן קינד די היים, די גאַס, סביבה און... דער ישראל־אַראַבישער קאָנפליקט, וואָס איז משפּיע ווידער אויף אַ גאָר אַנדערן געביט – די הויכע באַטייליקונג פון די מינדערהייטן אין אַלע וואַל־קאַמפּאַניעס צו דער כנסת, וואָס איז תמיד אַ גרעסערע ווי ביים יידישן וויילער, הגם די צאָל אַראַבישע דעפּוטאַטן האָט פּראָפּאָרציאָנעל, ווייט נישט אַנטשפּראָכן זייער אָנטייל אין די עלעקטאָראַלע אַקטן. אויף דער אַל־געמיינער צאָל פון 120 דעפּוטאַטן, איז דער מאַקסימום אַראַבישע פּאַרלאַמענטאַריער געווען נישט מער ווי 7 (אין דער דריטער, פערטער, פינפטער, זעקסטער, זיבעטער און ניינטער כנסת. אין דער ערשטער – נאָך 3, אין דער צווייטער – 6, אין דער אַכטער – 4). דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס די מינדערהייטן זענען בדרך כלל נישט געגאַנגען צו די וואַלן מיט אייגענע, נאַציאָנאַלע ליסטעס, נאָר קאַנדידירט אויף די רשימות פון די יידישע פּאַרטייען. און אויב מ׳האָט יאָ דערלאַנגט אַן אייגענע ליסטע, איז זי תמיד געווען פאַרבונדן מיט אַ יידישער פּאַרטיי.

אַלנפאַלס, די מינדערהייטן האָבן געניאָסן פון פּאָליטישער פרייהייט צו אָרגאַניזירן זיך און נעמען אָנטייל אין די כנסת־וואַלן, ווי אין די מוניציפּאַלע וואַלן.

87% פון דער אַראַבישער, דרוזישער און טשערקעס ־באַפעלקערונג געניסט פון 53 אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען.

אַן אַראַבישער בירגער אין ישראל וועט אין אונדזערע געריכטלעכע אינסטאַנצן געפינען נישט ווייניקער יושר און ערלעכקייט ווי דער יידישער, ווייל פאָרמעל און פאַקטיש געניסן זיי פון גלייכבאַרעכטיקונג.

אויך דאָ בעט זיך צו שטעלן די אַלט־באַקאַנטע פראַגע: אויב ס׳איז אַזוי גוט, טאָ פאַר וואָס איז אַזוי שלעכט? – ווי דאָס באַווייזן די לעצטע געשעענישן מיט שפּאַנונג און עקסטרעמקייט. אַמאָל – קאָנפליקטן מיט דרוזן 3. מוסולמענער; אַמאָל – קריסטן אָדער בעדואינער; אַמאָל - יוגנטלעכע אָדער אַלטע לייט. אויך אַראַבישע משכילים שטייען נישט אין דער זייט.

**אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות**

ס׳איז נישט שווער אויסצוגעפינען די מאָטיוואַציע פאַר אַזעלכע געשעענישן, אין רעזולטאַט פון אויסערלעכע, ווי פון אינערלעכע גורמים.

די אויסערלעכע – דאָס געפיל און באַוווסטזיין ביי די ישראלדיקע אַראַבער, אַז בעצם זענען זיי גאָרנישט אַזא מינדערהייט, אויב אין נאַציאָנאַלן זין באַלאַנגען זיי צו די 100 מיליאָן ברידער אין די 15 לענדער, וואָס רינגלען אַרום ישראל אין אַ גאָר נאָענטן און ווייטערן ראַדיוס; די קעגנערשאַפט פון דער אַראַבישער וועלט צו מצרים און איר שלום־הסכם מיט ישראל, וועלכן זיי טייטשן אויס ווי אַן אַקט פון סאָלידאַריטעט מיט זיי; דער אויסגעוואַקסענער אָנזען און פּרעסטיזש פון יאַסער אַראַפאַט אין דער וועלט און די אַנערקענונג פון זיין טעראָר־אָרגאַניזאַציע ווי דער איינציקער רעפּרעזענטאַנט פון די פּאַלעסטינעזער; די פאַרהאַנדלונגען וועגן אויטאָנאָמיע פאַר די אַראַבער פון יהודה און שומרון און עזה, נאָר אָן דער באַטייליקונג פון באַפולמעכטיקטע פאָרשטייער פון די געביטן; און אחרון אחרון, נאָר לגמרי נישט חביב – די חניפה און קאַפּיטולאַציע פון דעם רוב מדינות, גרויסע ווי קליינע, פאַר די נאַפט־מאַגנאַטן און זייער פּעטראָדאָלאַרישן שאַנטאַזש. דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט ביין ישראלדיקן אַראַבער געפילן פון אַ

שטאַרקן הינטערלאַנד, וועלכער שטיצט אים ־אָן באַוואָרעניש. ווער שמועסט נאָך, אַז דער דעמאָקראַטישער רעזשים אין ישראל דערמעגלעכט צו פּראָטעסטירן, דעמאָנסטרירן, פֿאָדערן זייער רעכט און אפילו אָנקלאָגן אין געריכט באַאַמטע, אויך די רעגירונג – לאָזט זיך אַזאַ געשריי הערן און זען אין דער גאַנצער וועלט.

בנוגע די אינערלעכע פֿאַקטאָר, וואָלט געווען נאַריש און איבערגעטריבן צו שילדערן די לאַגע פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין ישראל בלויז אין ראָזעווע פֿאַרבן. סיי פֿאַרשידענע יידישע קרייזן, ווי מעסיקע אַראַבישע מנהיגים האָבן נישט איינמאָל אַרויסגערוקט לאָגישע און יושרדיקע פֿאָדערונגען, אויף וועלכע נישט תמיד, לײדער, איז געקומען דער געהעריקער ענטפֿער. איינע פֿון די אָנגעווייטיקסטע פֿראַגן איז די אומגלייכהייט ביים באַשעפֿטיקן דעם אַראַבישן משכיל און אינטעליגענט אויף מלוכשע פּאָסטנס. אינזשענירן אַראַבער מוזן ווערן לערערס, אָדער זוכן אַנדערע באַשעפֿטיקונגען. די מוניציפּאַלע פֿאַרוואַלטונגען אין די אַראַבישע ישובים טענהן, אַז די בודזשעטן וועלכע זיי באַקומען פֿון אינערן – מיניסטעריום, זענען אין אַ שרייענדיקער דיספּראָפּאָרץ לגבי די סובווענצן פֿאַר יידישע שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען. צעשטערן אומלעגאַל געבויטע הייזער אין אַראַבישן דאָרף, איז אַן אָפּטערע דערשיינונג ווי ביי יידן. דער סטאַנדאַרט און קוואַליטעט פֿון די שול־קלאַסן פֿאַר די מינדערהייטן, זענען נידעריקער ווי אין די יידישע לערן־אַנשטאַלטן.

אמת, אַן אָביעקטיווער, ערלעכער אָבסערוואַטאָר וועט נישט גרינגשעצן אַלע דערגרייכונגען און אויפֿטוען פֿאַר די מינדערהייטן. גלייכצייטיק ווייסט ער, אַז אויפֿן געביט פֿון חינוך, אַנטוויקלונג, באַשעפֿטיקונג, רעכט פֿאַר דעמאָביליזירטע דרוזישע זעלנער, באַדן־פֿאַרטיילונג און באַדן־קאָנפֿיסקאַציעס – איז ווייט־ווייט "נישט אויסגעגליכט דער חשבון" מיטן יידישן סעקטאָר, הגם ס'איז נישט קיין סוד, אַז אויך אויף דער יידישער גאַס האָבן מיר צענדליקער סאָציאַלע פֿאַלן, דירות־ ענגשאַפֿט, אָרעמקייט און נויט, וואָס אויך דאָ הערט מען נישט אויף קלאָגן אויף עוולות און דיסקרימינאַציעס.

## איז פֿאַראַן אַן אויסוועג?

לויטן פּראָגנאָז פֿון צענטראַלן סטאַטיסטישן אַמט, וועט די אַראַבישע באַפֿעלקערונג אין ישראל דערגריין אין יאָר 1995 ביז 18% – 21% פֿון דער אַלגעמיינער צאָל בירגער אין לאַנד. ווי עס זאָל נישט זיין, וועט זייער צאָל איבערשטייגן אַ מיליאָן (פֿאַרשטייט זיך, אַז אָן די אַראַבער פֿון די פֿאַרנומענע געביטן). פֿון דעם איז גֿעדרונגען, אַז נישט נאָר די קוואַנטיטעט וועט שטייגן הויך, נאָר עס וועלן זיך פֿאָדערן ווייטגייענדיקע, קוואַליטאַטיווע ענדערונגען און איניציאַטיוון. די פּאַטריאַרכאַלישקייט, די טראַדיציעס פֿון "כאַמולעס" און אויטאָריטעט פֿון די זקנים, וועט ווערן איינגעשרומפּן אָדער אין גאַנצן פֿאַרשווונדן. שוין היינט געהערט איבער 50% פֿון דער אַראַבישער מינדערהייט צום יונגן דור, ביי וועלכן ס'איז שטאַרק אַנטוויקלט דער "פּאַלעסטינעזער באַוווסטזיין". דעריבער איז זיך נישט צו וווּנדערן, אַז פֿאַרשידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע כוחות אין דער מדינה, אויך אינטעלעקטואַלן און פּראָפֿעסאָרן, פֿאַרנעמען זיך לעצטנס מיט קאָנסטרוקטיווער מחשבה צו געפֿינען אַן אויסוועג און לייזונג פֿאַר דעם באמת קאָמפּליצירטן פּראָבלעם פֿון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער יידישער מדינה. זייערע "רעצעפּטן":

שטרעבן דערצו, אַז קודם כל זאָלן די אַראַבער משלים זיין מיטן עצם קיום פֿון דער מדינה; אויף אָפֿיציעלע אַמטן און בנינים זייערע זאָלן פֿלאַטערן די בלוי־ווייסע פֿענער פֿון ישראל. אָבער גלייכצייטיק נישט צווינגען דעם יוגנטלעכן אַראַבער צו דינען אין צה"ל; דערגרייכן די פֿולע באַפֿרייונג און גלייכבאַרעכטיקונג פֿון דער אַראַבישער פֿרוי; העלפֿן איינאָרדענען אין שטאָט יענע אַראַבער, וואָס ווילן פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף; געבילדעטע אַראַבער און דרוזן אויפֿנעמען ווי רעגירונגס־באַאַמטע און אָנגעשטעלטע; רעגולירן, דורך פֿרידלעכע פֿאַרהאַנדלונגען, די באָדן־פֿראַגע מיט די בעדואינער אין נגב, ווי מיט די אַראַבער אין גליל; אויסטיילן דעמאָביליזירטע

דרוזישע זעלנער ערד־פּאַרצעלעס צו בויען ווינונגען; אָפּשאַפן דיסקרימינאַציעס און באַפרייען זיך פון פאָרורטיילן, וועלכע זענען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט בייביידע פעלקער.

אין די שולן דאַרף געלייגט ווערן דער טראָפ אויף דערציען די יידישע און אַראַבישע שילערס אין גייסט פון טאָלעראַנץ, יושר און דעמאָקראַטיע; לערנען אין אונדזערע שולן די געשיכטע און קולטור פון די אַראַבער און פון איסלאַם און די אַראַבישע שפּראַך פון 4טן קלאַס אָן; איינאָרדענען אָפטע צוזאַמענטרעפן פון יידישע און אַראַבישע גלערנטע, לערערס, זשורנאַליסטן, שרייבערס און קולטור־טוערס; נישט דערלאָזן צו עקסטרעמע, פּאָליטישע אָרגאַניזירונג, אָבער נישט אויפהערן דערמוטיקן די מעסיקע קרייזן, דערנענטערן זיי צו דער ציוניסטיש־פּאַרטייאיש – ישראלדיקער קאָנסטעלאַציע, דערמעגלעכן די פאַראייניקונג פון משפחות צווישן די איינוווינערס אין מזרח ירושלים און די פון ירדן און אַנדערע לענדער.

אוודאי מוז נישט דאָס אַלץ ווערן אינספּירירט און רעאַליזירט נאָר פון אויבן, פון די ישראלדיקע מלוכהשע אַמטן און אינסטיטוציעס. אויך די מינדערהייטן גופא דאַרפן זיך נעמען צו דעם אויסגעפּרוווטן יידישן "פּאַטענט" וואָס הייסט אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע. דערמוטיקן און פלעגן ביי זיי זעלבסט־איניציאַטיוו, וואָלונטערישקייט, אייגענער פאַרמעסט און גרעאַנגל פאַר אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער מדינה, אירע בירגער, אַריינגערעכנט די מינדערהייטן – וואָס וועט זיכער ברענגען אַנטשפּאַנונג אין די באַציונגען צווישן ביידע פעלקער.

דער ענין מינדערהייטן אין ישראל איז נישט נאָר אַ סאָציאַלער, פּאָליטישער, צי עקאָנאָמישער. אַן אַנטשיידנדיקע ראָל שפּילט דאָ אויך דער נאַציאָנאַלער און מאָראַלישער מאָמענט. ס'איז אויך דעציידירנדיק דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט. די וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויף דעם, אַז די אַראַבער אין ישראל וועלן זיין די בריק פאַר אַ שלום צווישן מדינת ישראל און אירע שכנים – האָבן זיך אַנטוישט. אפשר האָבן דאָ געווירקט, אויסער איינגעוואָרצלטע אַנטאַגאָניזמען, אויך די טראַומע פון דיר־יאַסין, כפר קאַסעם, "יום האדמה" און פון אַנדערע, אמתע אָדער איינגערעדטע עוולות און דיסקרימינאַציעס?!

בלייבט אונדז איבער צו פאַרענדיקן דעם מאמר אויך מיט די רייד פון נשיא יצחק נבון, אויפן דערמאָנטן יידיש־אַראַבישן צוזאַמענטרעף אין גינוסר: ..."דער פיינטלעכער צושטאַנד צווישן ישראל און אירע שכנים האָט נאָר איין לייזונג. דאָס איז – דער שלום. אויב שנאה איז דער גורם פון פּראָבלעמס, אין שלום די רעצעפּט פאַרן פּראָבלעם".

איין מדינה, עגיפּטן האָט שוין "איינגענומען" די דאָזיקע רעצעפּט. ס'זענען געבליבן נאָך עטלעכע, וואָס לאָמיר האָפן, אַז אויך זיי וועלן אונטערשרייבן אַ פרידנס־אָפּמאַך מיט ישראל, וואָס וועט אונדז אוודאי פאַרלייכטערן דאָס צוזאַמענלעבן מיט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

(י"ש ת"א, 19.9.79; 4.10.79. פּאַ"ב י – ם, סעפּטעמבער 79')

# אינטריגע און פּאָליטיק ארום דעם פּליטים־פּראָבלעם

די לעצטע גענעראַל־סעסיע פון אונ"אָ האָט צום ניינטן מאָל אויסגעהערט דעם באַריכט פון איר אַגענטור פאַר הילף די פּליטים פון ארץ־ישראל, מיט צרות צונויפגעשטעלט דעם בודזשעט אויפן נייעם יאָר און געגעבן אָנצוגעהערן, אַז אין יאָר 1960 פאַרענדיקט זי איר טעטיקייט.

דאָס באַהאַנדלען דעם ענין פון אַראַבישע פּליטים, האָט ווידעראַמאָל אַוועקגעשטעלט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אין איר גאַנצער שאַרפקייט און אַקטועלקייט, הגם צען יאָר טיילן אונדז אָפּ פון יענעם מאָמענט, ווען הונדערטער טויזנטער אַראַבישע איינוווינער פון ארץ־ישראל האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאַסע היימלאָזע – ווער בעל־כורחו און ווער פון אייגענעם ווילן.

גענוי ווי יעדע מלחמה, האָט אויך אונדזער באַפרייונג־קריג גורם געווען צו אַ טראַגיש פּראָבלעם וואָס הייסט פּליטים.

אויב די סטראַטעגיע און טאַקטיק פון די זעקס אַראַבישע לענדער, וואָס זענען באַפאַלן מדינת ישראל אין מאַי 1948, האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט מיליטערישער חכמה און ערנסטע דערפאָלגן אויף די שלאַכטפעלדער, מוז מען אָבער מודה זיין, אַז אויף איין שטח איז די אַראַבישע הערשער געלונגען צו פאַרצייכענען אַן "אויפטו" וואָס איז זעלטן ווען פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון מלחמות. מיר מיינען דאָ זייער העצע און אַגיטאַציע צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל, אין סאַמע ברען פון קאַמפּן, צו פאַרלאָזן זייערע היימען, אוסליידיקן דאָס לאַנד און אַוועקגיין צו די "אַראַבישע ברידער אויף יענער זייט גרענעץ", מיט דער גיכער האָפענונג "צוריקצוקומען ווי זיגער אין דער באַפרייטער פּאַלעסטינע". די דאָזיקע פּליסטער־פּראָפּאַגאַנדע, באַגלייט מיט גרויזאַמע מלחמה־אַנטוויקלונגען, האָט טאַקע געגעבן טרויעריקע רעזולטאַטן.

ארץ־ישראל איז, וואָס אַן אמת, שנעל באַפרייט געוואָרן – אָבער נישט דורך די אַגרעסאָרן, נאָר דורך דער יונגער אַרמיי פון דער אויפגעקומענער יידישער מדינה. עס האָבן אויך גענומען דאָ שטראָמען צענדליקער און הונדערטער טויזנטער פּליטים – אָבער יידן: פון די געטאָס, לאַגערן, בונקערס, וועלדער, און די וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון פּאַגראָמען און רדיפות אין אַזעלכע אַראַבישע לענדער, ווי איראַק, מצרים, סיריע, לבנון און תימן. שוין אָפּגערעדט פון דער מאסן־עליה פון אַזעלכע איסלאַם־לענדער, ווי מאַראָקאָ, טוניס און אלזשיר. דער פריי־געלאָזענער דורך די אַראַבער שטח איז נישט געבליבן פאַרלאָזט און פאַרוויסט, נאָר באַזעצט און באַפרוכפּערט פון דער שארית־הפליטה פון יידישן פאָלק, אויך קרבנות פון מלחמה, פּאָגראָמען און רדיפות.

קלאָר, אַז פאַרהעצטע און מיט שנאה־געשפּייזטע אַראַבישע פּליטים אין ירדן, אין עזה־ראַיאָן, אין סיריע און לבנון, האָבן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך טרייסטן מיטן פאַקט, וואָס זייערע הייזער און ערד ווערן פאַרנומען דורך אַנדערע, אפילו ווען דאָס זענען גליטענע און גערודפטע. זייער בענקשאַפט און באַגער נאָך דער אייגענער, פאַרלאָזטער נחלה, איז געווען אומגעהייער שטאַרק און געשטערט די פאַרזוכן קאָנסטרוקטיוו צו לייזן זייער פּראָבלעם.

אַן אַנדערע פראַגע — צי מ'האָט טאַקע געוואָלט און געשטרעבט אויפריכטיק צו געפינען וועלכע עס איז קאָנסטרוקטיווע לייזונג פאַר די פּליטים. נישט געקוקט אויף די דריי הונדערט מיליאָן דאָלאַר וואָס זענען ביז איצט אינוועסטירט געוואָרן פון דער אונ"אָ־אַגענטור, מערקט זיך נישט קיין שום וועזנטלעכע ענדערונג אינם סאָציאַלן, עקאָנאָמישן, קולטורעלן און רעכטלעך־פּאָליטישן מצב פון די פּליטים. פינאַנסיעל – זענען זיי קעסט־קינדער פון דער אונ"אָ־אַגענטור, פּאָליטיש – אַ ווערקצייג אין די הענט פון די אַראַבישע הערשער. אַזוי מיט ניין יאָר צוריק, ווען די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיטן גורל פון די פּליטים אויפן מיטעלן מזרח, אַזוי איצט – ווען אין אַ יאָר אַרום דאַרף בכלל אָפּגעשטעלט ווערן די טעטיקייט פון דער אונ"אָ־אַגענטור, וואָס פּראַקטיש מיינט עס – לאָזן אויף באַראָט בערך 900 טויזנט פּליטים.

*

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז די ערשטע שולדיקע אינעם גורל פון די אַראַבישע פּליטים, דאַרף מען זוכן ביי יענע גרויסמאַכטן, וואָס האָבן דערמוטיקט די אַראַבישע אַגרעסיע קעגן ישראל און ביי יענע אַראַבישע הערשער, וואָס האָבן קינצלעך געשאַפן אַ פּליטים־פּראָבלעם, כדי שאַנטאַזשירן די וועלט און האַלטן אַ רעזערוון־אַרמיי פון פאַרביטערונג, שפּאַנונג און שנאה קעגן ישראל.

אַלע הערשער פון די אַראַבישע מלוכות, אין וועמענס גרענעצן עס זענען אַנטלאָפן די ארץ־ישראל פּליטים – די פאַרשידענע קעניגן, פּרעזידענטן, פּרעמיערן און גענעראַלן, גאַנצע און

האַלבע דיקטאַטאָרן וואָס זיצן אויף זייערע טראָנען, צי מיט דער ברכה פון וואַשינגטאָן, צי מיט דער ברכה פון מאָסקווע – האָבן נישט געטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער אויף צו לינדערן די נויט פון זייערע שווער־געטראָפענע ברידער, נישט העלפנדיק זיי זיך איינצואָרדענען אויף מער סטאַבילע און פעסטע יסודות. אדרבה, זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט אין דעם שעדלעכן און שענדלעכן סטאַטוס־קוואָ פון אַ טרויעריק, אומזיכער און דעגענערירנדיק לעבן אין די פליטים־לאַגערן פון צעלטן און באַראַקן, אָן פּראָדוקטיווער באַשעפטיקונג, אָן קולטורעלע באַדערפענישן און במשך ניין לאַנגע יאָר צו געניסן פונעם חסד־ברויט פון אונ״אָ. אמת, מען האָט זיי אויך גייסטיק געשפייזט: מיט פאַלשע האָפענונגען זיך אומצוקערן אין דעם ״צוגערויבטן פאָטערלאַנד״, פאַרניכטן דעם ציוניזם מיט דער יידישער מדינה און וואַרפן זיינע איינוווינער אין ים, צי מיט פּראָצענט אָפּנעמען דאָס פאַרלוירענע און אַוועקגעקומענע. און כדי צו באַווייזן, אַז דאָס זענען נישט סתם קיין צוזאָגן, האָט מען פון צווישן די פליטים ווערבירט גוט־באַצאָלטע אַגענטן אויף אַדורכצופירן שפּיאָנאַזש און דיווערסיע אין ישראל.

*

אין די לעצטע צען יאָר זענען געווען ערנסטע פּרוּוון צו געפינען אַ טיילווייזע לייזונג פון דעם האַרבן פּראָבלעם. קודם־כל דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן די אונ״אָ־אַגענטור, וואָס פירט איר אַרבעט מיט פיל הומאַניטאַרישקייט און אויפריכטיקער זאָרג, אַז די פליטים זאָלן זיין באַזאָרגט מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, זאָלן האָבן אָפּצועסן צו דער זעט און אַ מלבוש אויף זייערע גופים. גראָד די פאָרשטייער פון אונ״אָ קלאָגן זיך, אַז די רעגירונגען פון ירדן, מצרים, לבנון און סיריע, האָבן ניט געוואָלט געבן קיין ערנסטן צושטייער צו באַזעצן און איינאָרדענען די פליטים. אויף יעדער יערלעכער סעסיע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, ווען מען האָט אויסגעהערט טעטיקייט־באַריכטן פון דער פליטים־אַגענטור און באַדאַרפט געבן אַ געלט־צושטייער זי אויסצוהאַלטן – האָבן די אַראַבישע פאָרשטייער זיך געקלאַמערט אין דער העצע און גאַליקער שינאה צו ישראל, נישט אַרויסווייזנדיק קיין ברעקל גוטן ווילן און זאָרג פאַר די פליטים.

ווען אין דעצעמבער 1955 האָט קאַנאַדע אויסגעדריקט איר גרייטקייט אופצונעמען אַ באַגרענעצטע צאָל אַראַבישע פליטים, האָט אַ פאָרשטייער פון סיריע פאַרורטיילט יעטוועדן פּרווו פון עמיגראַציע מצד די פליטים, ווייל דאָס קאָן דערפירן ״צום פאַרלוסט פון פאַלעסטינע״.

די צוויי פאַקטן אילוסטרירן אַמבעסטן די קעגנערשאַפט פון די אַראַבער צו אַ קאָנסטרוקטיווער לייזונג פון דעם פּראָבלעם.

*

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער ענין פליטים פון ארץ־ישראל איז נישט בלויז אַ זאַך פון די אַראַבישע מדינות צי פון אונ״אָ. אַ נישט ווייניק קלענערן שיכות האָט דערצו מדינת ישראל. אויפן געוויסן פון איר רעגירונג און באַפעלקערונג דאַרף אויך דריקן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. אין לאַנד ווי אין אויסלאַנד, הערן זיך פריינטלעכע עצות, אַז ישראל דאַרף אַרויסווייזן גוטן ווילן, פּאָליטישע חכמה און טיפע פאַרשטענדעניש פאַר די נויטן און ליידן פון אַ קאַרגער מיליאָניקער מאַסע אויסגעוואָרצלטע און אויסגעפלינדערטע. פאַראַן באַזונדערע פילבאַרע פונקטן אין אונדזערע באַציונגען מיט די שכנים, וווּ מיר דאַרפן אַרויסווייזן אַן אָפן אויג און אָפן האַרץ, טאַקע דערפאַר ווייל מיר גופא זענען קרבנות פון אַזעלכע געשעענישן. מיר מיינען: אונדזער באַציונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד און אונדזער צוגאַנג צום פליטים־פּראָבלעם, זייענדיק אַמאָל אַליין פליטים אין משך פון אונדזער צוויי־טויזנט יאָריקער וואַנדערונג צווישן פרעמדע.

מיר האָבן אַ ברירה צו זיין טויזנט מאָל גערעכט בנוגע דער געשיכטע פון איצטיקן פּראָבלעם און אפילו ווען מיר ווייסן, ווען חלילה, די רעזולטאַטן פון דער אַראַבישער אַגרעסיע אין יאָר 1948 וואָלטן געווען פאַרקערטע, ווער ווייסט צי זיי וואָלטן אונדז געלאָזט זיך פאַרוואַנדלען אין

פליטים און נישט אַדורכגעפירט זייער נקמה־אַקט אויפן סאַמע פרימיטיווסטן און גלייכצייטיק סאַמע שוידערלעכסטן אופן.

מיר האָבן אַ ברירה צו געבן אונדזער צושטייער דער אונ״אָ            זי זאָל קאָנען אָנגיין מיט איר טעטיקייט צווישן די פליטים, טראָץ דעם וואָס אַראַבישע לענדער און די סאָציאַליסטישע מלוכות מיטן ראַטנפאַרבאַנד בראש, זאָגן זיך אָפּ צו זיין מיטשותפים צו פינאַנסירן די אַגענטור, — אָבער דאָס אַלץ באַפרייט אונדז נישט פון דער מענטשלעכער, ייִדישער, נאַציאָנאַלער און מלוכהשער פליכט, אַרויסצוטרעטן מיט פּאָזיטיווע און קאָנקרעטע פאָרשלאַגן. זיכער זענען שוין געווען אַזעלכע פאָרשלאַגן פון אויטאָריטעטע ייִדישע מלוכה־מענער, אָבער נישט פרעציזע און אומקלאָרע, וואָס האָבן געקאָנט אויף אַ פאַרשידענעם אופן געטייטשט ווערן. ערשט די טעג האָט אבא אבן דערקלערט אין אונ״אָ, אַז ישראל איז גרייט אויסצוצאָלן אַנטשעדיקונג די פליטים, אפילו אָן אַ שלום־הסכם, נאָר בתנאי, אַז די פליטים זאָלן איינגעאָרדנט ווערן אין אנדערע לענדער.

*

ביי אונדזערע טענות צו דער ישראל־רעגירונג, אַז זי פאָרמולירט נישט קלאָר און אַנטשלאָסן איר פראָגראַם וועגן לייזן דאָס פליטים־פּראָבלעם, טאָרן מיר נישט פאַרזען איין עיקרדיקן שווערפונקט, וואָס ליגט אויפן וועג פון רעאַליזירן די סאַמע בעסטע כוונות, אפילו ווען זיי וואָלטן געקומען פון ישראל. דעמאַגאָגן וואָס שפעקולירן אויף דער מענטשלעכער טראַגעדיע פון די פליטים, מעגן דאָס זיין אונדזער היימישע מק״י, צי דער געדונגענער פאָרשטייער פון סאודיע — אחמעד שוקיירי, קאָנען זיך דערלויבן צו קומען מיט גלאַט פאָרמולירטע און כלומרשט הומאַניטארע לאָזונגען פון צוריק נעמען די פליטים אין זייערע פריערדיקע ווינ־ערטער. דאַרף מען די אַלע שפעקולאַנטן מיט מענטשלעכער פיין פרעגן:

וואָס איז מכוח אַ שלום־אָפּמאַך צווישן ישראל און אירע שכנים, וואָס זאָל נאַטירלעך, אויך זיכערן די אינטערעסן פון די פליטים?

וואָס איז מכוח אַ ספעציעלן הסכם צווישן ישראל און אירע שכנים וועגן די פליטים?

וואָס איז מכוח דער מעגלעכקייט בכלל צו זיצן ביי איין טיש און פאַרהאַנדלען וועגן פליטים און אַנדערע ענינים.

מיינען טאַקע די אַלע ״הומאַניסטן״ און פּאָליטיקאַנער, אַז אין אונדזערע באַדינגונגען גייט אָפּצוטיילן דאָס פליטים־פּראָבלעם פון אַן אַלגעמיינעם, פרידלעכן הסדר אין ראַיאָן?

ווער עס רוקט אַרויס פאָדערונגען נאָר בנוגע די פליטים און דערמאָנט נישט אַ וואָרט וועגן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען צווישן די צדדים און אַן אַלגעמיינע רעגולירונג פון אַנדערע, יסודותדיקע פּראָבלעמען, דער מיינט עפּעס אַנדערש:

איבערלאָזן די פליטים אין זייער איצטיקן, דעגענערירנדיקן מצב, אָן אויסזיכטן צו פאַרבעסערן זייער לאַגע, נאָר גראָד זי צו פאַרערגערן. און בנוגע דעם באַרעכטיקטן פחד פון ישראל אריינצונעמען אַלע פליטים, זאָלן דערמאָנט ווערן די ווערטער אין דעם טשעכישן אָפיציאָז ״טשעכאָסלאָוועןסקי סאָוועט״, וועלכער האָט מיט צער און צאָרן געשריבן אין יולי 1956 וועגן צוזאַמענפאָר אין נירנבערג פון 100 טויזנט דייטשע פליטים פון טשעכאָסלאָוואַקיי, מיטן אָנטייל פון מערב־דייטשע מיניסטאָרן וועלכע האָבן געלאָזט הערן — לויט דער מיינונג פון דער טשעכישער צייטונג — רעוואַנזשיסטישע און פּראָוואָקאַטיווע רעדעס אין נוסח פון דער אומדערשיטערלעכער רעכט פון די דייטשע פליטים בנוגע זייער (טשעכאָסלאָוואַקיש?) פאָטערלאַנד. די צייטונג דערציילט, אַז די באָן־רעגירונג לאָזט נישט די פליטים זיך אַריינפלעכטן אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד און אַ העלפט פון זיי זענען געבליבן אויסער דער ווירטשאַפטלעכער ראַם פון מערב־דייטשלאַנד. די דאָזיקע מענטשן קאָנען            דינען אַלס טרעגער פון אַוואַנטוריסטישע נקמה־פּלענער, און ביי זיי איז לייכט צו דערוועקן אומזיסטיקע האָפענונגען, אז בלויז ״דאָס צוריקערן זיך אין אַלטן פאָטערלאַנד, וועט לייזן זייערע פּראָבלעמען״.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיי צוויי מאָסן, ווען עס קומט צו דער יידן־פּראַגע און ישראל־ענינים; זיי וואָלטן באַדאַרפט האָבן דעם זעלבן צוגאַנג צו די אַראַבישע פּליטים אויפן נאָענטן מזרח, ווי צו דייטשע פּליטים פון פּוילן, אוקראַינע, טשעכאָסלאָוואַקיי, אונגאַרן, רומעניע און אַנדערע.

נאָר מען מוז נישט דווקא קאָפּירן דעם "אייראָפּעיִשן" ביישפּיל פון די פּליטים. עס האָט אַ ברירה אויך צו זיין אַנדערש, ווי: אַן אַלגעמיינער שלום צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות, וואָס זאָל אויך אַרומנעמען דאָס פּליטים פּראָבלעם; צוריקנעמען אַ געוויסע צאָל פּליטים קיין ישראל אָדער זיי אויסצאָלן אַנטשעדיקונג, ביים באַריקזיכטיקן דעם פאַקט, וואָס פיל יידיש פאַרמעגן איז צוגערויבט געוואָרן אין די אַראַבישע לענדער און אַז די צאָל יידישע פּליטים, וואָס ישראל האָט אויפגענומען, איז גאָרנישט קיין קלענערע ווי די וואָס האָבן אייגנווילליק (און ווער – געצווינגענערהייט) פאַרלאָזט אונדזערע גרענעצן אין יאָר 1948.

נאָר כדי דאָס אַלץ צו דערגרייכן, מוז מען זיצן ביי ׳איין טיש. אנשטאט דעמאַגאָגישע לאָזונגען, צי פרומע ווונטשן פון פאַרשידענע זייטן – זאָל אַרויסגעוויזן ווערן איניציאַטיוו, מאַקסימאַלע הילף און אָנשטרענג צוניפצוברענגען די צעקריגטע צדדים, כדי געפונען אַן ענטפער אויף איינער פון די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט.

(י"ש ת"א, 20.11.58).

# וואכזאם, ניכטער און נייטראל

דער אַמעריקאַנער ים־דעסאַנט אין לבנון און דער בריטישער לופט־דעסאַנט אין ירדן, מיט דער כלומרשטער כוונה איינצושטעלן באַרויקונג און שלום אויפן נאָענטן מזרח, האָבן דערגרייכט דעם פאַרקערטן ציל. אנשטאט שטילקייט – אויסגעוואַקסענע שפּאַנונג; אנשטאט פרידן – אַן אָנגעגליטע קריגס־אַטמאָספער. אַזוי אַרום האָבן די "מאַרינס" פון די פאַראייניקטע שטאַטן און די ענגלישע פאַראַשוטיסטן זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ראָל פון גאָר אייגנאַרטיקע פייערלעשער, וואָס אנשטאט באַנוצן זיך מיט וואַסער און זאַמד, האָבן זיי גאָר צוגעגאָסן צום פייער בענזין און פּולווער. אנשטאט די שריפה צו לאָקאַליזירן, האָט מען דערלויבט די פייער־צונגען זיך צו פאַרשפּרייטן. די היץ פון דאָזיקן מערקווירדיקן פייער שלאָגט איצט אָן אין דרום־טערקיי, ווו עס האָט זיך אַרויסגעזעצט אַמעריקאַניש מיליטער און אין ליביע, ווו עס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ענגלישע פאַראַשוטיסטן. און אלס אַקציע קעגן מערב, זענען לענגאויס די גרענעצן פון פּערסיע און טערקיי קאָנצענטרירט געוואָרן ביי אַ האַלבער מיליאָן סאָוויעטישע זעלנער. אַמעריקע און אייראָפּע פיבערן איצט פון דער דאָזיקער הויכער מלחמה־טעמפּעראַטור – און אַלע פילן, אַז דער גורל פון דער מענטשהייט איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף דער אַנטשיידנדיקסטער וואָגשאָל.

נאָר פריער פאַר אַלעמען ווייסן מיר, אַז דאָס ערשטע שוועבעלע איז געוואָרפן געוואָרן גראָד אין אונדזער ראַיאָן. אַרום אונדזער שטעטל ברענט איצט אַזוי, אז נישט איינער פרעגט זיך און אַנדערע:

– פאַרוואָס שטיין מיט פאַרלייגטע הענט? פאַרוואָס נישט אַריינמישן זיך אַקטיוו אינעם גאַנג פון די געשעענישן? פאַרוואָס נישט אָפּבראָטן עטלעכע ישראלדיקע קאַשטאַנעס ביים לבנון־איראַקער פייער?!

אַזעלכע אַקטיוויסטישע שטימונגען פון "אויסנוצן געלעגנהייטן" דורך "דערלאַנגען אַ זעץ", זענען נישט בלויז די נחלה פון דער "חירות"־פּאַרטיי, נאָר איז אויך געוואָרן די מחלה פון די ציונים כלליים און פון געוויסע קרייזן אין מפא"י. אָבער אויך יידן פון אַ גאַנץ יאָר פרעגן אָפּטמאָל – ווער מיט נאַיווקייט און פּשטות, ווער מיט ראַפינירטקייט און כיטרעקייט:

– פאַרוואָס זאָל ישראל שטיין אין אַ זייט? פאַרוואָס נישט געניסן פון דער איצטיקער סומאַטאָכע אויפן נאָענטן מזרח? האָבן מיר דאָך אַזויפיל חשבונות צו רעגולירן מיט די שכנים – ווען קאָן נאָך זיין אַ בעסערע געלעגנהייט?

זיכער איז אין די דאָזיקע פראַגן- פאַראַן אויך אסך אמת און אַ באַגער איינצושטעלן די ישראל־אַראַבישע באַציונגען אויף אַ סטאַבילער באַזע. פאַראַן אָבער אין דעם איין ״קליינינקייט״: דער וועג וועלכן זיי לייגן פאָר, און די צייט וואָס זיי רעקאָמענדירן, טראָגן אין זיך נישט ווייניקער געפאַרן, ווי די לאַנדונג פון די אַנגלאָ־זאַקסישע כוחות אין לבנון און ירדן. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז מען מאַכט דאָ דעם חשבון אָנעם בעל־הבית – סיי די אַראַבישע לענדער, סיי די גרויסמאַכטן. אָבער דער דאָזיקער רעאַלער פּאָליטישער חשבון שטערט נישט מנחם בעגין און זיין פּאַרטיי צו שרייבן, אַז ״עס איז דאָ נאָר איין כוח, וועלכער קאָן ראַטעווען דעם נאָענטן מזרח און די גאַנצע מענטשהייט פון דער נייער טויט־סכנה... אָן איין איינציקן שאָס. דער כוח איז – ישראל.״

אָט האָט איר פאַר זיך אַ קלאַסישן ביישפּיל פון אומפאַראַנטוואָרטלעכער פלאַפּלעריי, אָן אַ ניכטערער אפשאַצונג פון די כוחות־פאַרהעלטענישן און גרויסמאַכטן־שפּיל אין ראַיאָן, אָן דעם קלענסטן חשבון פון אָביעקטיווער מעגלעכקייט און אַפילו מיליטערישער פעיקייט דערפאָלגרייך צו פאַרענדיקן אַזאַ אַוואַנטורע.

עס בלייבט אַ פאַקט, אַז די לעצטע אַנטוויקלונגען פון וועלט־כאַראַקטער אויפן נאָענטן מזרח, זענען פאָרגעקומען אָן ישראל און אָן וועלכן ס׳איז פרווו מיט איר זיך אַן עצה האַלטן אָדער צווויסן טאָן וועגן דעם באַפאָרשטייענדיקן. אדרבה, סיי וואַשינגטאָן און סיי לאָנדאָן זענען געווען פאַראינטערעסירט צו דערשיינען אין זייער מיליטערישער אַקציע קעגן די אַראַבישע לענדער, ווי ״יודען־ריינע״. קוים איז פאַר זיי ווינציק געווען די קאָמפּראָמיטאַציע אין דער אַראַבישער וועלט פון שיקן מיליטער פון ריזיקע מרחקים אויף אַרויסצוזעצן זיך אין לבנון און אין ירדן, האָבן זיי נאָך באַדאַרפט האָבן אויף זיך אַ ״ישראלדיק פעקל״, וואָס וואָלט זיי נאָך מערער באַשווערט די אַזוי אויך נישט גרינגע אויפגאַבע פון דעסאַנטן אין פרעמדע לענדער. בלית־ברירה האָט גרויסבריטאַניע זיך געמוזט ״אויסבאָרגן״ אַ שטיקל ישראלדיקן הימל אויף איבערצופירן אירע פאַראַשוטיסטן פון קפריסין קיין רבת־עמון. ס׳איז אָנצונעמען, אַז די ענגלענדער האָבן זיך גוט געוואָרגן מיטן אַזאַ ביסן און אים נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען, מוזנדיק אָנקומען צו אונדזער לופטרוים פאַר זייער אַוויאַציע. אָבער אין אַלגעמיין האָט וואַשינגטאָן און לאָנדאָן ניט געוואָלט זיך אַנגאַזשירן מיט ישראל. דערפאַר איז זיכער, אַז יעטוועדע ישראלדיקע אַקטיווע רעאַגירונג צי אַקציע אין איינעם פון די אַראַבישע לענדער, אַפילו פון די וואָס זענען אָריענטירט אויף מאָסקווע, וואָלט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נישט קלענערן ווידערשטאַנד פון ענגלאַנד און אַמעריקע, ווי דער, וועלכן דאַלעס און האַמערשעלד האָבן געגעבן ישראל איבער די הענט בעת דער סיני־אַקציע. ווייל די אייגנטלעכע אויפגאַבע פון ענגליש־אַמעריקאַנער דעסאַנט איז געווען צו ראַטעווען די פראָ־מערבדיקע רעזשימען אין לבנון, איראַק און ירדן, וועלכע זענען אין זייער אַנטי־ישראלדיקער שנאה און העצע מיט גאָרנישט געווען אונטערשטעליק פון די אַנדערע.

און וואָס שייך ראַטנפאַרבאַנד, געדענקען מיר גוט די נאָטע פון דעמאָלטקן פרעמיער נ. בולגאַנין, צו ישראל, בעת דער סיני־אַקציע, אַ נאָטע וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שאַרפן טאָן און אָפענער דראָונג. בולגאַנין איז שוין אַוועק, אָבער זיין בייזער גייסט כלפי ישראל איז לגמרי נישט פאַרשוווּנדן. אויב אויף דער לעצטער אַקציע פון ענגלאַנד און אַמעריקע, ענטפערט דערווייל דער ראַטנפאַרבאַנד מיט מאַנעווערס און שטאַרקער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַקציע, וועמענס קרוינונג עס איז געווען דער פאָרשלאַג צונויפצורופן די טעג אַ שפּיצן־קאָנפערענץ צווישן די פיר גרויסע מיטן אנטייל פון פרעמיער נערו און אונ״אָ־סעקרעטאַר האַמערשעלד, – וואָלט אָבער אַ גאָר אַנדערע געווען די שפּראַך לגבי ישראל, אויב זי וואָלט געמאַכט דעם מינדעסטן שריט, וואָס וואָלט דורך מאָסקווע פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אָפענע אַגרעסיע. ס׳איז אויך לאָגיש, אַז ווען צוויי אַזעלכע ריזן קריגן זיך, דערצו נאָך אַ מחלוקת, וואָס דאַרף אָט־אָט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ טויט־פאַרמעסט, – מוזן נישט קיין קליינטשיקע זיך אַקטיוו אַריינמישן, בפרט נאָך, אַז ביידע ווילן גאָרנישט אַזאַ אַריינמישונג. דער פאַרמעסט צווישן ראַטנפאַרבאַנד און אַמעריקע פאַר השפּעה אויפן נאָענטן מזרח, וועלכער איז אין די לעצטע יאָרן דערגאַנגען צו זיין הויכפּונקט– איז אין אַ

גרויסער מאָס געפּירט געוואָרן אויפן חשבון פון... ישראל. פון מאָסקווע און פון וואַשינגטאָן (פון לאָנדאָן איז דאָך אָפּגערעדט!) האָבן זיך געטראָגן פּאַרשלאַגן און אָנצוגעהערענישן וועגן פאַרשידענע לייזונגען און רעגולירונגען פון ישראלדיק־אַראַבישן סיכסוך, נאָר אַלץ – פאַרן פּרייז פון אונדזערע וויתּורים.

מיט איין וואָרט –ביידע גרויסמאַכטן וואָלטן זיכער געווען אייניק.

*

אויף אַזויפיל — די גרויסמאַכן, די זעלבע, וואָס שפּילן איצט די הויפּט־ראָל אין די דראַמאַטישע געשעענישן. אָבער סוף־כל־סוף אין דאָך די גאַנצע טראַגישע פּרשה נוגע די פעלקער און לענדער, וועלכע געפינען זיך אין דעם ראַיאָן, אין אונדזער שכנהשאפט. דאָ האָבן די פעלקער אָנגעהויבן זייער מאַרש פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג, פאַר די לעצטע 13 יאָר, זינט דעם פאַרענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה, זענען די פראַנצויזן געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן סיריע און לבנון, די ענגלענדער — ארץ־ישראל, מצרים, ירדן — און איצט וויל מען זיי ווייזן דעם וועג פון תּימן און פון די דערבייאיקע נאַפט־פירשטנטומס. דער דאָזיקער ריכטיקער וועג פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, האָט אָבער די אַראַבישע פעלקער פאַרפירט אויך אויף אַ זייטיקער סטעזשקע פון נאַציאָנאַליזם, שאָוויניזם און פאַרביסענער אַנטי־ישראלדיקייט. דער דאָזיקער שאָווינזם און נאַציאָנאַלער האַס האָט אַזוי פאַרבלענדט די אַראַבישע הערשער, אַז זיי האָבן צווישן זיך אָנגעהויבן באַציען מיט אומצוטרוי און קעגנערשאַפט. אַפילו די אַזוי אָפּטמאָל פּראָקלאַמירטע שנאה קעגן ישראל האָט זיי נישט געקאָנט אייניקן. אויך אויפן נאָענטן מזרח, גענוי ווי אויף דער גרויסער וועלט, האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן פּאָליטישע פאָרמאַציעס און כל־מיני פאַרייניקונגען, וואָס האָבן אין זיך געהאַט סיי טענדענצן פון דרויסנדיקער השפעה, סיי פון אינערלעכן דראַנג צו איינהייט. דער ריס און קעגזאַצן אינערהאַלב דער אַראַבישער וועלט זענען כסדר געוואַקסן, אַז די אַראַבישע ליגע און אַפילו דער אויטאָריטעטער און פּאָפּולערער מצרישער דיקטאַטאָר, זענען נישט געווען אימשטאַנד איבערצובעטן די צעקריגטע און צעריסענע צדדים. דערפאַר זענען פאַר די לעצטע יאָר מעגלעך געווען אַזעלכע ראַשיקע אַנטוויקלונגען אין ירדן, לבנון, מצרים־סיריע, איצט — אין איראַק.

די לעצטע געשעענישן אין ראַיאָן זענען דעריבער אויך אַ רעזולטאַט פון דעם טיפן אינערלעכן ריס אין דער אַראַבישע וועלט. אַפילו אָן דער אַריינמישונג פון דרויסן, וואָלטן מיר געווען עדות פון פאַרביסענע קאַמפן און אונטערגראָבונג־אַרבעט אין די באַזונדערע אַראַבישע לענדער, דווקא אָנעם פּרווו צו רייטן אויפן אַנטי־ישראלדיקן פערדל. און פונקט ווי די בריטיש־אַמעריקאַנער אינטערווענץ אויפן נאָענטן מזרח איז אַדורכגעפירט מיט דער בפירושער טענדענץ נישט אַריינצומישן אָדער אַנגאַזשירן ישראל, אַזוי זענען די לעצטע רייסערייען און איבערקערענישן אין דעם רוב אַראַבישע לענדער, געווען עטוואָס ווייט פון ישראל און אירע ענינים.

*

אַ סברה, אַן איבערוויגנדיקער טייל פון אונדזער באַפעלקערונג האָט אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען פון די לעצטע געשעענישן, אַז דאָסמאָל מיינט מען נישט דווקא ישראל, – אַ זאַך וואָס קאָן אויסזען מאָדנע אין אָנבליק פון די שטענדיקע טענות פון גרויסמאַכטן און פון די אַראַבישע הערשער, אַז נאָר מיר זענען דער גורם פאַר שפּאַנונג און מלחמה־אַטמאָספער אין ראַיאָן. און אויב מען מיינט נישט אַזוי אינגאַנצן אונדז, טאָ צו וואָס זיך אַנגאַזשירן אומפּראָוואָצירטערהייט? צו וואָס שטרעבן – אַפילו "אָן איין שאָס" (לויט "חרות"ס הפקרדיקער און אומפאַראַנטוואָרטלעכער באַצייכענונג) – קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט? איז טאַקע נייטיק, אַז צום איצטיקן מצב פון העכסטער שפּאַנונג, זאָל פון ישראל פאַלן דער פונק? דאַרפן מיר געבן דעם צייכן? מוזן מיר נעמען אויף זיך די היסטאָרישע אחריות פאַר אַן איניצאירטן מלחמה־שריט?

אַנדערש איז צו זיין וואַכזאַם, גרייט און מאָראַליש מאָביליזירט אַנטקעגן די לויערנדיקע געפאַרן, צו קאָנען זיי אָפּשטויסן, און עפּעס אַנדערש איז – צולייגן אַ האַנט צו דערנענטערן די קאַטאַסטראָפע. וואָס שייך אַרויסרופן באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן, מעג מען זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף די גרויסמאַכטן – און זיי שטייען איצט איינער קעגן אַנדערן, נאָר אויף אָנצוהייבן. מיר ווילן האָפן, אַז דאָס וועט נישט געשען. ווייל ביידע ווייסן, אַז די איצטיקע מלחמה וועט זיין אַן אַטאָמישע – וואָס מיינט מאַסן־אומקום און חורבן פון דער וועלט. אפשר וועלן זיי זיך פּאָרט צוזאַמענריידן און אויף אַ פרידלעכן אופן רעגולירן אַלע ענינים, אַריינגערעכנט אויך די פון אונדזער ראַיאָן. אָבער מיר ווייסן, אַז סיי די אַמעריקאַנער "מאַרינס" און סיי די בריטישע פאַראַשוטיסטן וועלן נישט פאַרבלייבן אויפן נאָענטן מזרח. נישט דאָ איז זייער פאָטערלאַנד, נישט דאָ איז זייער היים – און פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי צוריקפאָרן פונוואַנען זיי זענען געקומען. אין דעם געאָגראַפישן ראַיאָן וועלן בלייבן די אַראַבער אין זייערע לענדער, און די יידן אין זייער מדינה – מדינת ישראל. די דאָזיקע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו און רעאַלע געאָפּאָליטישע לאַגע צווינגט אונדז אָריענטירן זיך נישט אויף מנחם בעגינס זעלבסטמערדערישע עצות און נישט אויף וועמען פונדרויסן. די ערד פון ישראל, פונקט ווי אירע הימלען, דאַרפן זיין הייליק בלויז פאַר אונדזערטוועגן. זייענדיק שטאַרק פון אינעווייניק, האָבנדיק אויטאָריטעט און השפעה אינדרויסן, דער עיקר צוליב אונדזער פּאָליטיק פון נייטראַליטעט, נישט־אַריינמישונג און נישט־אידענטיפיצירונג, זענען די שאַנסן און אויסזיכטן פון צונויפריידן זיך מיט די אַראַבישע שכנים און דערגיין צום געגאַרטן שלום, פיל גרעסערע און שטאַרקערע, איידער די מיינונגען פון יענע אומפאַראַנטוואָרטלעכע כוחות און פערזאָנען, וואָס ווילן מיט אַ שאָס (ציִ "אָן אים"), לייזן דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט.

דערפאַר דאַרף אונדזער אויפגאַבע אין איצטיקן מאָמענט זיין: וואַכזאַמקייט, ניכטערקייט און — נייטראַליטעט!

(י"ש ת"א, 24.7.58).

# די שנעלע אנטוישונג

שווער צו באַשליסן וואָס פריער באַוווּנדערן אין אונדזער ראַיאָן אין שייכות מיט די לעצטע אַנטוויקלונגען: צי זייער האַסטיקייט און פּלוצימדיקייט, אַדער גאָר — די איבערראַשנדיקייט. ווייל עס לייגט זיך נאָך אויפן שכל, אויב מען זאָל אינדערפרי זיך אויפהייבן פון שלאָף און אין צייטונג אָדער אין ראַדיאָ זיך דערוויסן וועגן אַן איבערקערעניש אין איראַק צי וועגן אַ בירגער־קריג אין לבנון, אַז כוסיין איז געוואָרן אויס מלך. אַזעלכע געשעענישן זענען לעצטנס אַריין אינעם שטייגער פון מיטעלן מזרח און דערמאָנען אָפּטע רעוואָלטן אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, וואָס אין זייער אָנהייב איז שטענדיק שווער צו דערגיין, וואָס אייגנטלעך זענען אויסן די אויפשטענדלער: מאַכט־גייציקייט פאַר אַ דיקטאַטאָר, אָדער אמתע אויסבעסערונג אינעם לעבן פון פאָלק, דורך הייבן זיין קולטורעלן און עקאָנאָמישן ווילשטאַנד. איבערראַשנדיק איז אָבער דער שדים־טאַנץ אַרום אַזעלכע איבערקערענישן מצד די גרויסמאַכטן און קלענערע מדינות, וואָס פאַרן דערגיין אַ שטיקל טאָלק, וואָס אַזאַ רעוואָלוציע מיינט, קוואַפּען זיי זיך צו זיין די ערשטע אין דער ריי אויף צו געבן אָנערקענונג דעם נייעם רעזשים. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַזוי אויס ליבע צו די אָקערשט־אויפגעקומענע הערשער, נאָר דער עיקר אויס שנאה צום קאָנקורענט פונדרויסן, קוים וועט ער זיין דער ערשטער אינעם אַריינשטעלן אַ פוס אינעם לאַנד, וואָס האָט ערשט געכטן־פאַרנעכטן אויסגעוועקסלט זיינע הערשער.

נעמט, צום ביישפּיל, איראַק: נאָך נישט פאַריבער קיין חודש זינט דער בריגאַדיר־גענעראַל קאַסעם האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דערמאָרדעטן נורי־סעיד און דעם אומגעבראַכטן מלך

פייסאַל, די שעפער און אָנגעזעענע מחותנים פונעם באַגדאַדער בונד – און שוין האָבן אַלע לענדער פון דער דאָזיקער מיליטערישער און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע אָנערקענט דעם נייעם רעזשים. פריער — די מוסולמענישע מיטגלידער, באַלד דערנאָך — דער מערב.

סך־הכל פיר טעג זענען פאַרביי ווי דער בריטישער פּרעמיער מעקמילען האָט אין רירנדיקע ווערטער מספּיד געווען די אומגעקומענע הערשער פון באַגדאַד, און גלייך דערנאָך האָט ער געגעבן אָנערקענונג די נייע מושלים פון איראַק, איינשטעלנדיק מיט זיי נאָרמאַלע, דיפּלאָמאַטישע באַציונגען. ביי יידן וואָלט מען, אָן שום ספק, אין אַזאַ פאַל געזאָגט: אפילו די שבעה נישט אויסגעזעסן נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם ווייב – און גלייך זיך פאַרקנס'ט צו אַ צווייטער...

ביז גאָר איבעראַשנדיק איז אויך געווען די האַנדלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אויף דער עשטער ידיעה פון דער מרידה אין איראַק, האָבן אייזענהאואער און דאַלאס געוואגט שיקן גרויסע מיליטערישע דעסאַנטן קיין לבנון, מיט דער בפירושער כוונה אָנצושרעקן די נייע הערשער אין באַגדאַד, נישט געקוקט דערויף, וואָס אַזאַ שריט האָט געדראָט מיט סכנות־נפשות. פונדעסטוועגן, טראָץ דעם פאָכען מיטן שווערד אין דער ריכטונג פון באַגדאַד מצד די בריטישע פאַראַשוטיסטן אין ירדן און מצד די אַמעריקאַנער "מאַרינס" אין לבנון – האָבןביידע מערבדיקע גרויסמאַכטן שנעל שלום געמאַכט מיט דער איבערקערעניש און געגעבן איר דיפּלאָמאַטישע סמיכות. אינטערעסאַנט, וואָס דאָס 600 מיליאָניקע כינע, וואָס האָט דורך אַ לאַנגיאָריקן, רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַרטריבן דעם טשאַן קיי־שעק רעזשים נאָך מיט 7 יאָר צוריק, האָט נאָך אַלץ נישט זוכה געווען "אָנערקענט" צו ווערן דורך אַמעריקע. דאָס דאָזיקע מזל האָט בלויז צוגעשפּילט דער קליינטשיקער איראַק אין אירע צעבונטעוועטע מיליטער־פירער.

*

אין פּאָליטיק דעצידירן קאַלט־אויסגערעכנטע אינטערעסן, צינישע ביזנעס, אויסגעקלוגלטע דיפּלאָמאַטיע אין סתם שמד־שטיק, וועלכע ווערן אויפן סאַמע עלעגאַנטסטן אופן פאַרדעקט מיט שיין קלינגענדיקע פראַזן און גלאַטע פאָרמולירונגען. די וועלט־בלאָקן פירן דעם חשבון פון זייערע אינטערעסן, מיליטערישער סטראַטעגיע, עקאָנאָמישע איינפלוסן און פּאָליטישער השפּעה, דורך דער פּריזמע פון ציפערן און רעסורסן, מיט וועלכער עס איז אומבאַדינגט רייכער די פיל־מיליאָניקע אַראַבישע און מוסולמענישע וועלט, איידער מדינת ישראל. די גרויסע וועלט־הערשער פאַרגעסן קיינמאָל נישט דעם דאָזיקן חשבון – וואָס מען קאָן נישט זאָגן וועגן פיל אונדזערע היימישע טוערס, פאַרטיי־מנהיגים און אויך סתם־יידן, וואָס אויך פּאָליטיק איז ביי זיי געוואָרן אַ מין האַזאַרד. יעדער שטעלט אויף "זיין" פערדל. אַז ס'האָט זיך אויפן נאָענטן מזרח געמאַכט אַזאַ סומאטאָכע און די מערב־מדינות האָבן זיך אַקטיוו אַריינגעמישט אין די געשעענישן, האָבן אַ סך אין ישראל געטראַכט, אַז ענדלעך איז געקומען די שעה: די גרויסע אַמעריקע און איר קלענערע נאָכלויפערין, פאַרשטייען איצט ווי גערעכט ס'איז געווען ישראל מיט אירע וואָרענונגען בנוגע נאַצערן. און אויב די האָבן געשיקט מיליטער אין צווי שכנותדיקע אַראַבישע לענדער – קאָנען מיר דערוואַרטן ישועות און נחמות פון וואַשינגטאָן און לאָנדאָן. "חירות" האָט דערווייל אַרויסגעשיקט אירס אַ פּאָרשטייער קיין פראַנקרייך וועגן סאָנדירן דעם באָדן פאַר א פּאָליטיש מיליטערישן בונד מיט ישראל, הגם קיין איין געזעלשאַפטלעכער כוח צי אויטאָריטעטער מנהיג האָט זיי דערויף נישט געגעבן קיין מאַנדאַט. אויך מנחם בעגין פעדערט זיך די טעג צו טרעפן מיטן גענעראַל דע־גאָל, הגם גאָלדע מאיר האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אירע געשפּרעכן אין פּאַריז מיטן פראַנצויזישן פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער. ווידער יגאַל אַלון פון אחדות־העבודה און זייערער אַ מיניסטער אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען, וואַרפן אָפּ דעם געדאַנק פון פאַרבינדן זיך מיט ווער עמען, נאָר אַליין האָט זי אָנגענומען אַ חשק "אויסצובעסערן" אין איצטיקן מאָמענט די גרענעצן. און דער "דבר" איז ממש אַרויס פון די כלים אויפצווייזן, ווי וויל און ליכטיק איז מיטן אַריינשטעלן דעם בריטיש־אַמעריקאַנער מיליטערישן שטיוול אין ראַיאָן, גלייך אַלע יידישע און ישראלדיקע צרות וועלן דערמיט געפינען זייער לייזונג.

און אַזוי גייען אָן די פאַרשידענע „אָריענטאַציעס" און איינשטעלונגען אויף פאַרשידענע אויסערלעכע, נאָר לגמרי נישט פריינטלעכע כוחות צו ישראל.

אָבער וואָס זאָגן איצט די דאָזיקע היץ־קעפּ, ווען דער „אַרבעטער"־לאָרד אין לאָנדאָן, קלעמענט עטלי, דערקלערט, אַז דאָס אַנטשטיין פון מדינת־ישראל איז געווען אַ פעלער, מיט וועלכן, מען דאַרף, נעבעך, משלים זיין. און דער ספּעציעלער שליח פון פּרעזידענט אייזענהאַוער, ראָבערט מערפי, וועלכער האָט באַזוכט כמעט אַלע הויפּטשטעט פון אונדזער ראַיאָן, אויך ירושלים, הערט נישט אויף לויבן די נייע הערשער אין באַגדאַד, אויף וועמען ער לייגט מערער האָפענונגען, ווי אויף דעם זיך וואַקלענדיקן טראָן פון מלך חוסיין?!

דאָס אַרויסברענגען און אונטערשטרייכן די מאַקיאַוועליסטישע פּאָליטיק פון די מערב־גרויסמאַכטן, האָט, לײַדער, אַ קעגנגעוויכט אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אויך פון מאָסקווע לאָזן זיך הערן האַרבע רייד אויף אונדזער אַדרעס, אפילו ווען זיי קומען מיט אַ גערעכטער טענה בנוגע דערלויבן די ענגלענדער צו פליען איבער אונדזער טעריטאָריע. האָט אָבער אויך די לעצטע סאָוויעטישע נאָטע געמוזט זיין באַגלייט מיט דראָענדיקע אָנדייטונגען? דער נסיון פאַר די לעצטע יאָר האָט אונדז געלערנט, אַז די אָפטע אַנטי־ישראלדיקע רייד פון ראַטנפאַרבאַנד, דעקן זיך כמעט פולשטענדיק מיטן כלומרשטן שווייגן פון די מערבדיקע פּאָליטיקער. נאָכמער – טיילמאָל דערגענצן זיי זיך ממש אין דער פּראַקטישער אויסשפּראַך און ממשותדיקע האַנדלונגען, ווען עס דערגייט צו אונדזערע לעבנסוויכטיקע ענינים.

זאָל אונדז דעריבער ווידעראַמאָל דערלויבט זיין איבערצוחזרן די אפשר שוין אַלטע, אָבער שטענדיק נייע און אַקטועלע לאָזונג, אַז ישראל מוז זיין נייטראַל; אַז איר, נאָך געזונטן קאָפּ, טאָר זי נישט אַריינלייגן אין אַ קראַנק בעט, אַז מען דאַרף אויפהערן שטעלן אויף וועמען פון די קעמפנדיקע צדדים. די שנעלע אַנטוישונג, וועלכע עס האָבן איצט אַדורכגעמאַכט געוויסע פּאָליטיקער אין ישראל, דאַרפן זיי נישט דערפירן צו יאוש, נאָר צו – אויסניכטערונג, כדי אויף קאַלט אָפּשאַצן אונדזער פּאָליטישע לאַגע און פּאָזיציע אין דער וועלט, אין ראַיאָן און אויך אַ טראַכט געבן וועגן די 85% פונעם צעשפּרייטן און צעזייטן יידישן פאָלק אין רוב לענדער און אונטער פאַרשידענע רעזשימען. נאָר אַזאַ אָפּשאַצונג וועט זיי דיקטירן צו זיין נייטראַל צווישן די זיך באַקעמפנדיקע בלאָקן, ביים גלייכצייטיקן זוכן קעגנזייטיקע פריינטשאַפט און פאַרבינדונגען מיט אַלע פעלקער און לענדער, אַריינגערעכנט אויך אונדזערע שכנים.

(י"ש ת"א, 7.8.58)

# דער אומפאַרלאָשענער ווולקאַן

פאַר די לעצטע צען יאָר איז אונדזער גאַנצער ראַיאָן געגליכן צו אַן אומפאַרלאָשענעם ווולקאַן: אין זיינע אינגעווײדן האַלט אין איין קאָכן און ברויזן, נאָר פון צייט־צו־צייט גיט די לאַווע אַ פלייץ פונעם קראַטער, טראָגנדיק מיט זיך איבערקערענישן, פאַרשווערונגען און בלוט־פאַרגיסונגען. כאַראַקטעריסטיש, אַז נאָך אַזאַ אויסברוך, קומט נישט קיין לענגערע אָטעם־פּויזע. שטענדיק זענען פאַראַן פּאָטענציעלע געפאַרן פאַר ווייטערדיקע צוזאַמענשטויסן און קאָנפליקטן. און אין קעגנזאַץ צום נאַטור־געזעץ, אַז לאַווע באַגינסטיקט דעם באָדן, פאַרוואַנדלענדיק וויסטע ערד אין פּרוכטבאַרע גערטנער און פעלדער – ברענגען אָבער מיט זיך די פּאָליטישע ווולקאַן־אויסברוכן אויפן נאָענטן מזרח ווייטערדיקע יוירונג און פינצטערע אָנזאָגן אויף חורבן.

### בלויז אין איין יאָר

מיר ווייסן, אַז די אחריות פאַר אַזאַ מצב טראָגן נישט בלויז די מדינות פון דעם דאָזיקן געאָגראַפישן שטח. אַ בכבודיקן צושטייער גיט אויך די אַריינמישונג פונדרויסן, דער קאַמף פון

ביידע וועלט־בלאָקן. דאָס איז אַ לאַנגע קייט פון ראַנגלענישן – ווער צו דעראָבערן די נאַפּט־קוואַלן און נאַטור־אוצרות פון ראַיאָן, ווער צו הערשן איבערן סועץ, אָדער זיך איינשאַפן סטראַטעגישע פּאָזיציעס און איינפלוס־ספערע.

אַמבולטסטן זענען די דאָזיקע אַנטוויקלונגען געקומען צום אויסדרוק אין דעם לעצטן יאָר:

דער פּאַרצויגענער בירגער־קריג אין לבנון און דער פּערמענענט אין ירדן, וואָס האָבן געגעבן אַן אויסרײַיד די אַמעריקאַנער "מאַרינס" און ענגלישע פּאַראַשוטיסטן זיך אַריינצוקלויבן אין די צוויי לענדער. גאָר שנעל זענען זיי אַוועק צוריק אַהיים. חוסיין געוועלטיקט ווייטער אין ראַבאַט־אַמאָן און אויפן אָרט פון אַראָפּגעזעצטן קאַמיל שאַמון הערשט אין ביירוט גענעראַל שינהאַב. אָבער אין לבנון ווי אין ירדן, זענען קיין ערנסטע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע ענדערונגען נישט פּאָרגעקומען;

די פּאַריייניקונג פון מצרים אין סיריע האָט בלויז דעם מאַכט־גייציקן נאַצער געגעבן אַ נייעם הערשאַפט־שטח און געשטאַרקט זיין פּרעסטיזש אין דער וועלט און צווישן די אַראַבער. פאַרן סירישן פאָלק אָבער האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אדרבה, דער טייל פון דער פּאַריייניקטער אַראַבישער רעפּובליק לעבט אַדורך אומגעהויערע עקאָנאָמישע שוועריקייטן און די אומצופרידנקייט פון דער אוניע מיטן ווייטן מצרים האַלט אין איין וואַקסן, בעת אונטערן נאָז, אויף יענער זייט גרענעץ, קאָן מען זיך פּאַריייניקן מיט איראַק צי לבנון;

די איבערקערעניש פון 14־טן יולי אין איראַק האָט פון אַלע לעצטע רעוואָלוציעס אויפן נאָענטן מזרח, יאָ אָנגעזאָגט עפּעס נייעס און אָריגינעלס, אָבער גיכער איז דאָס געווען אַן אָנשטויסן זיך, איידער קאָמפּעטענטע דערקלערונגען פון די באַגדאַדער הערשער. קאָן זיין אַז דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל די זעלבע וואָס האָבן מיט באַגנעטן געשטירצט דעם רעזשים פון נורי סאַיד, זענען אַליין געבליבן זיצן אויף באַגנעטן. דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון גענעראַל קאַסעם, עארף, איז ערשט נישט לאַנג פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר גרייטן אַ נאַצעריסטישע פאַרשווערונג – און באַלד נאָכדעם איז געקומען די מרידה אין מאָסול, וואָס האָט באַוויזן די אומסטאַבילקייט פון נייעם רעזשים פון איין זייט, און דעם אומגעשטילטן אַפּעטיט פון מצרישן דיקטאַטאָר אויפצוצווינגען מיט כוח פאַריייניקונג יענע אַראַבישע לענדער, וואָס ווילן זיך נישט אייגנווייליק וואַרפן אין זיינע דיקטאַטאָרישע אָרעמס – פון דער צווייטער זייט.

### דער ריס קאַיר—מאָסקווע און קאַיר—באַגדאַד

די וועלט, פּונקט ווי אונדזער ראַיאָן, וואָלטן מיט קנאַפּן אינטערעס זיך באַשעפטיקט מיטן אויפשטאַנד אינעם איראַקער נאַפט־ראַיאָן און זיין שנעלע אונטערדריקונג, ווען נישט די אויסשפּרייטונג פון דעם ענין העט־ווייט אויסער די גרענעצן פון נאָענטן מזרח, אָנשפּאַרנדיק אומעטום, באַזונדערס אין די הויפּטשטעט ווו עס פאָרמירט זיך דער אַקטועלער פּאָליטישער געדאַנק און עס וועבט זיך דיפּלאָמאַטישע אינטריגע.

מיטן ליקווידירן דעם מאָסולער הויפּטשטאַב פון די אויפשטענדלער און מיט דער דעמאָנסטראַטיווער לוויה פונעם קאָמוניסטישן טוער אין באַגדאַד און פון אַן איראַקישן אָפיציר אין דמשק, וואָס ביידע זענען אומגעקומען בעתן פּוטש – איז דער ענין נישט באַגראָבן געוואָרן. פאַרקערט. עס זענען געקומען אַזעלכע שטורעמדיקע אַנטוויקלונגען, אַז נאָך איצט שטייט די וועלט אַ פאַרגאַפטע און פרעגט: וואָס קומט דאָ פאָר?

ערשט דעם 21־טן פעברואַר ה.י. האָט די "איזוועסטיא", ענטפערנדיק און זיך פאַרענטפערנדיק פאַר געוויסע לבנונער און מצרישע צייטונגען וואָס האָבן אָנגעגריפן דעם ראַטנפאַרבאַנד אין שיכות מיט דער עליה פון רומעניע, געשריבן: "די פעלקער פון אַראַבישן מזרח קאָנען אונטערשיידן פריינד און שונאים און מען דאַרף האַלטן אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן די פּרעסע־ליגנער־אונטערצוגראָבן דעם פעסטן בנין פון דער סאָוויעט־אַראַבישער פריינדשאַפט". און מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט דער דאָזיקער בנין זיך אָנגעהויבן טרייסלען. זעלטן ווען דער ראַטנפאַרבאַנד זאָל אין די לעצטע יאָרן האָבן געשטאַנען אונטער אַזאַ קאָנצענטרירט פייער פון

פאַרלוימדונגען, באַשמוצונגען און זידלערייען אפילו מצד אַן אומפּריינטלעכער מדינה, ווי ער האָט עס איצט אויסצוטראָגן פון זיין בעסטן און געצערטלטן בוזעם־פריינד אבדול נאַצער. ער, בכבודו ובעצמו און אַלע זיינע פּראָפּאַגאַנדע־שופרות באַצייכענען דעם ראַטנפאַרבאַנד אַלס ״רויטע דיקטאַטור, איינגעטונקען אין בלוט״; ״קאָמוניסטן האָבן נישט געקעמפט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג, נאָר זיי זענען מערדער און פאַרעטער״; ״כרושטשאָוו אַטאַקירט אונדז אַזוי ווי די אימפּעריאַליסטן״ – אאז״וו. אויך דער ראַטנפאַרבאַנד איז נישט געבליבן שולדיק אויף אַזעלכע האַרבע רייד, הגם אין אַ צוריקגעהאַלטענער פאָרם: ״נאַצער איז אַ יינגער, אימפּולסיווער מנהיג און ער פּרובירט אויף זיך נעמען מערער וויפיל ער קאָן טראָגן״.

און די טעמפּעראַטור פון דער נערוון־מלחמה צווישן מאָסקווע און קאַיר האַלט אין איין שטייגן. אָט באַרימט זיך נאַצער, אַז אין אָקטאָבער 1956 איז מצרים איינע אַליין געשטאַנען אין משך פון ניין טעג אַנטקעגן דעם געאייניקטן אָנפאַל מצד ענגלאַנד, פראַנקרייך און ישראל. און דער סאָוויעטישער ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר איילט זיך באַלד אויפצווויזן, אַז נאָר אַ דאַנק דער ענערגישער און פריינטלעכער הילף מצד דעם ראַטנפאַרבאַנד, איז מעגלעך געוועזן מצרימס נצחון אין דער סועץ־קאַמפּאַניע.

פּאַראַלעל מיטן וואָרט־געפעכט נאַסער־כרושטשאָוו, פירט זיך אין ראַדיאָ און אין דער פּרעסע פון קאַיר און באַגדאַד אַ ביז גאָר שאַרפער וויכוח, באַגלייט מיט באַליידיקונגען און באַשולדיקונגען. ״נאַצערן קאָן מען פאַרגלייכן צו היטלערן און מוסאָלינין״ – שרייבט אַ באַגדאַדער צייטונג. און נאַצער בלייבט נישט הינטערשטעליק. ער באַשולדיקט קאַסעמען סיי אין קאָמוניזם, סיי אין באַלאַנגען נאָך צום באַגדאַדער פּאַקט. ער רופט אים שפּאַלטער פון דער אַראַבישער נאַציע, הגם ערשט מיט 5 חדשים האָט ער זיך צו אים געווענדעט וועגן מיליטערישער הילף.

## דער ציל: ענטגילטיקער חשבון מיט ישראל

דעם דאָזיקן סוד פון ווענדן זיך קיין באַגדאַד וועגן שיקן באַוואָפנטע כוחות קיין סיריע, האָט מיט צוויי טעג צוריק אַנטפּלעקט נאַצער אַליין, ווילנדיק באַווייזן קאַסעמס פאַראַט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער מצרישער ״שלום־קעמפער״ האָט זיך געניטיקט אין עטלעכע איראַקער דיוויזיעס, כדי מאַכן אַן ״ענטגילטיקן חשבון״ מיט ישראל. היינט פאַרשטייען מיר טיפער דעם זין פון יענער אַראַבישער באָמבאַרדירונג פון די סירישע פּאָזיציעס אויף ישובים אין גליל. יאָ, די ווענדונג צו קאַסעמען נאָך מיליטערישער הילף, איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן מערדערלעכן פייער אויף פרידלעכע גרענעץ־ישובים. די סירישע האַרמאַטן פון סאָוויעטישער פּראָדוקציע האָבן זיך דעמאָלט איינגעשטילט, נאָר די פאַרכאַפּערישע אַמביציעס און מאַכט־גייציקייט פונעם מצרישן קאַלאָנעל האָבן זיך נישט באַרויקט. ער איז גרייט צו פאַרטראָגן און אויסהערן אַלערליי פאַרוואָפן מצד זיינע נעכטיקע פריינד אין אייראָפּע, צי פונעם אַראַבישן האַלב אינדזל. אָבער אַזאַ טענה ווי עס האָט אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין וואַרשע אַרויסגערוקט כאַלעד באַקדאַש, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סירישער און לבנונער קאָמוניסטישע פּאַרטייען אַז ״די פאַראייניקטע אַראַבישע רעפּובליק, אין איר קאַמפּאַניע קעגן איראַק, דינט ישראל״ – האָט דער פּרעזידענט פון פ.א.ר. נישט געקאָנט פאַרדייען. ווער שמועסט נאָך, אַז דער ראַדיאָ באַגדאַד האָט אים געפרעגט, הלמאַי ער שטערט נישט דעם ישראלדיקן שיפס־פאַרקער אין אילתער איינגוס — די טעריטאָריעלע וואַסערן פון די אַראַבער. דאָ האָט זיך שוין איבערגעפולט דאָס מעסטל. און מדינת ישראל, באַזאַמען מיט דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט, זענען אויפגעטשעלט געוואָרן פאַר אַ נייעם, ציניש ים־רויב מצד די מצרישע פּיראַטן אין סועץ, דורכן פאַרהאַלטן צוויי שיפן פון מערב־דייטשלאַנד און ליבעריע און אויסלאָדן פון דאָרט די ישראלדיקע סחורות און זיי קאָנפיסקירן. דאָס איז געווען אַן אַרויסרוף נישט נאָר צו מדינת ישראל, מיט וועלכער נאַסער איז כביכול אין ״מלחמה־צושטאַנד״, נאָר אויך יענע לענדער,

וועמענס געזעלשאַפטן האָבן אויף ריין געשעפטלעכע יסודות פאַרדינגען זייערע שיפן איבערצופירן ישראלדיקע סחורות.

די דאָזיקע האַנדלונג פון נאַצער אויפן אינטערנאַציאָנאַלן ים־שליאַך, ווי ס׳איז דער סועץ־קאַנאַל, זיין ריס מיטן ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, זיין אָפן דראָען איראַק מיט נאָך פארשווערונגען, ווי זיינע אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן אויף סודאַן און אַנדערע אַראַבישע לענדער – דערמאָנען די געשיכטע פון גרייזערן, דעם היטלעריסטישן גאולייטער אין דאַנציק, וואָס איז בשעתו געקומען אין דער פעלקער־ליגע זיך לאַדענען מיטן פּוילן וועגן באַרימטן ״קאָרידאָר״. נאָכן אָפּרעדן, האָט גרייזער, פאַרלאָזנדיק דעם זיצונגזאַל פון דער פעלקער־ליגע, אַרויסגעשטעלט זיין צונג די פּרעסע־פאָרשטייער ווי אַן אויסדרוק פון זלזול און שפּאָט איבער דער עפנטלעכער מיינונג. אויך נאַצער, וואָס וויל אָנגיין פאַרן גאולייטער״ פון נאָענטן מזרח, ווייזט אַ צונג דער גאַנצער וועלט – און דאָס מוז בעל כורחו אַרויספירן אויפן געדאַנק יענע אַנטוויקלונגען אין אייראָפּע מיט העכער 20 יאָר צוריק, וואָס האָבן דערפירט צום חורבן פון פעלקער און לענדער. נישט אומזיסט איז מען אפילו אין וואַשינגטאָן געקומען צום אויספיר, אַז די לאַגע אויפן נאָענטן מזרח איז געפאַרפולער ווי דער קריזיס אַרום בערלין און ווער עס טראָגט די אחריות פאַר אַזאַ לאַגע – איז שוין נישט נייטיק אויפצוקלערן.

וועט די וועלט דערפון עפּעס לערנען? וועלן מאָסקווע און וואַשינגטאָן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל פון די אויסברוכן פונעם מיטל־מזרחדיקן ווולקאַן? וועלן די פעלקער פון ראַיאָן דערשפּירן די לויערנדיקע סכנות?

(י״ש ת״א, 26.3.59)

##ביידע חשבונות שטימען ניט

### ״עליה אין א פארקערטער ריכטונג...״

די אַראַבישע הערשער האָבן זיך צוגעאייגנט נאָך אַ חכמה: פּאָליטישע מאַנעווורעס און פּראָפּאַגאַנדיסטישע טריקן. די בלינדע שנאה צו מדינת ישראל, באַזאַמען מיטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן בויקאָט, איז נאָך אַלץ ווינציק אויף צו באַפרידיקן זייערע געפילן פון האַס און שאָוויניזם. שטערט מען דערפאַר אונדזער מדינה ווו און ווען עס לאָזט זיך. מצרים צייכנט זיך אויס מיטן שליסן דעם סועץ־קאַנאַל פאַר ישראלדיקע שיפן; סיריע באַגנוגנט זיך פאָרלויפיק מיטן באַשעדיקן די וואַסער־רער קיין שמיר; ירדן וויל נישט הערן און געדענקען וועגן זיכערן אַ פרייען צוטריט פאַר יידן אין די הייליקע ערטער. אמת, אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט די מלאכה פון מאָרד און שעדיקערייַ מצד די אַלע דריי שכנים, ס׳האָט אָבער אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט די פיינטלעכע אַנטי־ישראלדיקע פּראָפּאַגאַנדע פונעם רוב אַראַבישע לענדער אין ראַיאָן.

דערצו דאַרפן זיי נישט זוכן קיין באַזונדערע געלעגנהייטן. ס׳זענען געווען גענוג בלויזע קלאַנגען וועגן אַן עליה פון רומעניע, פון ראַטנפאַרבאַנד צי פון נאָך אַ סאָציאַליסטישער מדינה, כדי די מנהיגים פון אראבישן אָריענט זאָלן אויפהייבן אַ ויצעקו אין די און״אָ־אינסטאַנצן, אין דער וועלט־פּרעסע, באַגלייט מיט דיפּלאָמאַטישע אינטערווענצן אין מאָסקווע, בוקאַרעשט, וואַרשע און אַנדערע שטעט. און ווי די אַראַבישע הערשער זאָלן נישט זיין צווישן זיך צעקריגט און צעריסן, האָט די דאָזיקע אַנטי־עליה אַקציע פאַראייניקט און קאָאָרדינירט זייער אַקטיוויטעט.

אויף אַ באַזונדערער המצאה איז געפאַלן דער מלך (אימאַם) פון תימן; וואָס דאַרף ער מטריח זיין דעם דיפּלאָמאַטישן פאָרשטייער, ער זאָל קלאַפּן אין די טירן פון סאָוועטישן אויסערן־מיניסטעריום? האָט דער ״האַר פון די האַרן״, דער אַלמעכטיקער הערשער פון דעם פעאָדאַל־פּאַטריאַרכאַלן מדבר־לאַנד, ווו עס גילט נאָך שקלאַפן־האַנדל, האַרעמס, אַ

פארשווענדעריש לוקסוס־לעבן פון איין זייט און אָרעמקייט, קראַנקהייטן און פינצטערניש פון דער צווייטער זייט – באַשלאָסן דירעקט צו ווענדן זיך צום פּרעמיער פון דער סאָוויעטישער רעגירונג און צום ערשטן סעקרעטאַר פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כדי אים וואָרענען פאַר די גרויסע געפאַרן וואָס דראָען דער וועלט אין פאַל פון יידישער עליה פון מזרח־אייראָפּע קיין ישראל.

אונדז איז נישט באַוווּסט דער גענויער אינהאַלט פון אימאַמס בריוו צו כרושטשאָוון. נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין דעם מעמאָריאַל, געשיקט פון רוים, ווו דער תימנער מלך קורירט זיך, האָט ער אוודאי דערמאָנט זיין אָפּגעשוואַכט הארץ און די שלאָפלאָזע נעכט. קאָן זיין, אַז ער האָט אויך שטאַרק באַדויערט אין דעם בריוו, הלמאַי אַ פאַרשטאַרקטע עליה פון ראַטנפאַרבאַנד וועט אים נישט לאָזן אין דער פולער מאָס געניסן פונעם האַרעם וועלכן ער האָט מיט זיך מיטגעפירט אין דער איטאַליענישער הויפּטשטאָט. נאָר איינס האָט ער זיכער פאַרלאַנגט פון מאָסקווע: הילף, טרייסט, באַרויקונג.

און דער ענטפער האָט נישט פאַרזוימט צו קומען.

גראַד אין טעג פון הויכער פּאָליטישער שפּאַנונג, ווען די סאָוויעטישע אויסערן־פּאָליטיק איז פולשטענדיק אַבסאָרבירט מיט דער זשענעווער קאָנפערענץ, מיטן דייטשישן פּראָבלעם, און אויפן אינערלעכן פראָנט גייט אָן אַ געיעג צו רעאַליזירן דעם נייעם זיבן־יאָר־פּלאַן – האָט נ. כרושטשאָוו געפונען צייט, געדולד, ווי אויך אַ היפּשע מאָס העפלעכקייט און פריינטלעכקייט צו ענטפערן דעם שקלאַפן־קעניג. זאָל ער, חלילה, נישט צופּיל זיך איבערנעמען, קיין עליה וועט נישט זיין. און אויב זי קומט יאָ פאָר – גיט כרושטשאָוו צו מיט אַ בייז־כיטרען שמייכל – איז נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ד.ה. – פון ישראל קיין ראַטנפאַרבאַנד...

ווילן מיר דאָסמאָל נישט אָפּשטעלן זיך אויף דעם יידישן און ישראלדיקן מאָמענט פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ פּסס״ר – תימן וויאַ רוים. איצט אינטערעסירט אונדז דער עיקר דער סאָציאַליסטישער אַספּעקט פון דעם ענין.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן צענדליקער סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, פּראָגרעסיווע מענטשן, וויסנשאַפטלער, פּאָליטיקער, פּען־מענטשן און פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס געמאַכט אומצאָליקע שריפטלעכע און מינדלעכע אינטערווענצן וועגן דער לאַגע פון דער יידישער מינדערהייט אין ראַטנפאַרבאַנד; וועגן דער יידישער קולטור דאָרט; וועגן אַנדערע דערשיינונגען פון סאָוויעטישן לעבן. האָט געבעטן אויפקלערונגען, פאַרענטפערס, הילף און טרייסט צו באַרויקן און זיך אַנטשפּאַנען פון די שווערע פאַרדאַכטן און אָפענע באַשולדיקונגען בנוגע געוויסע נעגאַטיווע דערשיינונגען פון דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט אויפן יידישן און אַלגעמיינעם פראָנט. ליידער, געדענקען מיר נישט קיין סך פאַלן, אַז די ווענדונגען פון די פריינד פון ראַטנפאַרבאַנד זאָלן זוכה זיין צו אַזאַ שנעלן און פריינטלעכן ענטפער, ווי כרושטשאָווס תשובה צום אימאַם. אויפריכטיקע חסידים פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה האָבן זיך די אויגן אויסגעקוקט אויף אַ גוט וואָרט, אַן אויטאָריטעטע דערקלערונג וואָס זאָל צעטרייבן די שווערע און געדיכטע לופט – נאָר אומזיסט. דאָ מעג מען זיך אויסדרייען מיטן רוקן צו די פרעגערס, מען מוז נישט ענטפערן.

דערפאַר אָבער, אַז אַ דעספּאָטישער הערשער פון אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד מאַכט אַ ווענדונג צו נ. כרושטשאָוו – קומט באַלד נישט נאָר אַן ענטפער, נאָר אויך – אַ פאַרענטפער. אַ באַרעכטיקן זיך פאַר אַ נישט־באַגאַנגען עליה־״פאַרברעכן״ און אַ פאַרזיכערונג, אַז סיי תימן, סיי אַלע אַראַבישע לענדער קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף דער פריינטשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד.

אויך אין דעם פאַל, קיין שום איבערקלויבן, קיין בודק זיין ציצית פון יעדן באַזונדערן אַראַבישן הערשער. דער קאָמוניסטן־פּרעסערישער נאַצער, דער רעאַקציאָנערער מלך סאַוד, דער אַנטי־סאָוויעטישער קעניג פון ירדן, – זיי אַלע קאָנען האָפן אויף סאָוויעטישער פריינטשאַפט. און דער מלך מלכי המלכים פון תימן – אוודאי און אוודאי.

...עפּעס שטימט נישט דאָ מיטן סאָציאַליסטישן חשבון!

אויב אונדזערע באַציונגען מיט דייטשלאַנד זענען אַזוי ווייט, אַז ביזן פּאַרקויפן אַהין ישׂראלדיק געווער, ־טאָ פאר וואָס זאָל אויך א תל־אביבער זשורנאַליסט נישט אַראָפּכאַפּן זיך קיין באָן און באַשרייבן די איצטיקע דייטשלאַנד? נאָר פון באַשרייבן ביז באַזינגען – איז נישט אַזאַ גרויסער מהלך, בפרט נאָך ביי א קאָרעספּאָנדענט פון דער היגער נאָכמיטאָג־צייטונג ״ידיעות אחרונות״, אלי אבירן, וואָס האָט אויסגענוצט זיין באַזוך איך דער פעדעראַלער רעפּובליק, כדי צו כאַפּן א בליק... אינעם קריגרמיניסטעריום.

זיין גאַנצן רעפּאָרטאַזש פונעם באַזוך אין דער אַלטער קאַזאַרמע־געביידע וואָס געפינט זיך אין א זייטיק געסל אין באָן, בויט ער אויף דער הנחה, אַז די מערב־דייטשישע אַרמיי, וואָס האָט אין יאָר 1956 אויפגעשטעלט איר ערשטע מיליטערישע איינהייט און וועט בקרוב זיך צעוואַקסן אין א האַלבמיליאָניקער אַרמיי מיט אַלע פּאָרמאַציעס און נייעסטע קריגס־מכשירים, איז איינגעשטעלט רק צו פאַרטיידיקן זיך פון א סאָוויעטישער אַגרעסיע. דערביי גיט א. אבירן אָנצוּגעהערן, אַז קאָן זיין דאָס די דייטשן איז אפשר נמאס געוואָרן דער ענין מלחמה, נישט מער – דער צפון־אַטלאַנטישער פּאַקט האָט זיי, נעבעך, אַריינגעצויגן אינעם פאַרטיידיקונג־פּסיכאָז קעגן מעגלעכע אַגרעסיעס. און דייטשלאַנד איז צוגעטיילט געוואָרן די אַנגעזעענסטע ראָל.

לייענסטו די לאַקריץ־זיסע שילדערונג וועגן באָנער ״פאַרטיידיקונגס״־מיניסטעריום, דאָס גלאָריפיצירן דעם דייטשן פאַרטיידיקונגס־מיניסטער פראַנץ יאָזעף שטראַוס (אגב: אַן אַרטילעריע־אָפיציר בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרוווּנדעט געוואָרן אין סטאַלינגראַד) – באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז בלויז אומשולדיקע טייבעלעך און גאָט די נשמה שולדיקע שעפּעלעך פאַרוואַלטן איצט מיט דער באַנייטער דייטשישער קריגס־מאַשין. נאָר צום שענדלעכסטן חילול־השם דערגייט דער תל־אביבער קאָרעספּאָנדענט, ווען ער שרייבט דווקא אין אַן הינטערקאָפּ, מיט גרעסערע אותיות: די באַאַמטע פון זיכערהייט־מיניסטעריום זענען יונגע מענטשן, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, ענלעכע צו פלמ״חניקעס...

*

עס דערמאָנט זיך א דערציילונג וואָס כ׳האָב ערגעץ־ווּ געלייענט נאָכן פאַרענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה.

אין איינער פון די באַפרייטע שטעט אין אייראָפּע, האָבן א גרופּע זעלנער פון דער ארץ־ישׂראלדיקער בריגאַדע, וואָס דער רוב פון זיי האָבן זייער מיליטערישע דערציונג באַקומען אין פלמ״ח, זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אומגליקלעך יידיש מיידל, א געראַטעוועטע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. ווען אונדזערע בחורים האָבן דעם מיידל געוואָלט געבן עסן און איר זיכערן א געלעגער, האָט זי זיך געבעטן: – רירט זיך נישט צו צו מיר, איך בין טמא און פאַראומווירדיקט געוואָרן דורך די נאַציס. איר זייט הייליקע, איר דאַרפט אפילו נישט שטיין אין מיינע ד׳ אמות.

דאַן האָט איינער פון די יידישע זעלנער א קוש געטאָן דעם מיידל אין שטערן, זיך פונאַנדערגעוויינט און געזאָגט:

– א שוועסטער ביסטו אונדז, טייערע, א געהייליקטע דורך פיין און יסורים. פאַרקערט, מיר פילן זיך גאָר שולדיק כלפּי דיר...

*

בלויז א. אבירן פילט נישט קיין שולד. סקאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז איינער צי עטלעכע באַאַמטע וועמען ער האָט געזען אין באָנער מיניסטעריום און מיט וועמען ער פאַרכלינעט זיך אַזוי צוליב די פאַרקאַשערטע אַרבעל – האָבן פּאַראומווירדיקט יענע יידישע טאָכטער?! נאָר מיר לעבן דאָך עפּעס אין דער תקופה, ווען דער פרעמיער פון דער ישׂראל־רעגירונג דערקלערט מיט

פּאַטאָס פון דער כנסת־טריבונע, אַז "דאָס דייטשלאַנד פון היינט איז נישט דאָס דייטשלאַנד פון נעכטן". און אויב אַזוי – טאָ פאַרוואָס זאָל אַ תל־אביבער קאָרעספּאָנדענט נישט פאַרוואַנדלען "די דייטשן פון היינט" אין – פּלמ"חניקעס?

**שלאָג־ארגומענטן פאַר ביידע**

נאָך די לעצטע אַנטוישונגען פון מק"י אין נאַצערן, נאָך דער אומזיכערקייט אירער מיט קאַסעמען, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז זי וועט ווענדן אירע בליקן צום... אימאַם פון תימן. אַ סימן האָט איר: כרושטשאָוו אַליין האָט אים באַוויליקט צו ענטפערן אַזאַ פריינטלעכן בריוו און דערצו ממש געשווירן אייביקע ליבע...

און די אָנהענגער פון דער געווער־טראַנזאַקציע אין לאַנד וועלן אויך קאָנען פרייער אָפּעטעמען: אַ סימן האָט איר – אין דייטשישן פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום אַרבעטן – – – פּלמ"חניקעס.

פאַר ביידע זענען עס אפשר שלאָג־אַרגומענטן. נאָר מיר וואַגן פעסטצושטעלן, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט... סיי דער סאָציאַליסטישער חשבון פון סאָוויעטישן פּרעמיער, סיי דער יידישער חשבון פונעם תל־אביבער קאָרעספּאָנדענט.

(י"ש ת"א, 23.7.59)

# די סועץ־בלאָקאַדע דויערט ווייטער

קנאַפּע 8 חדשים איז די דענישע שיף "אינגאַ טאָפּט" פאַראַנקערט אין פּאָרט־סעיד. זי קאָן נישט שווימען ווייטער, סיידן, אַז איר קאַפּיטאַן וועט דערלויבן דער מצרישער מאַכט קאָנפיסקירן די ישראלדיקע סחורות וועלכע ער דאַרף אַוועקפירן אויפן ווייטן מזרח. פאַר דער דאָזיקער צייט האָט אַ וועלט געקאָכט מיט דער ווילקירלעכער האַנדלונג פון מצרישן דיקטאַטאָר. אַלע כמעט ים־מדינות האָבן אויף דער לעצטער סעסיע פון אונ"אָ זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פרייער, אומגעשטערטער נאַוויגאַציע איבערן סועץ, דעם אינטערנאַציאָנאַלן וואַסער־שליאַך וואָס דאַרף זיין אָפן פאַר יעדער מלוכה. דאַג האַמערשעלד, מיט זיין "שטילער דיפּלאָמאַטיע", זאָל אפילו האָבן אויסגעפּועלט ביי נאַצערן, אַז ישראל־סחורות וועלן יאָ קאָנען אדורכגעפירט ווערן אין סועץ, נאָר אָן אַ פריערדיקער רעקלאַמע, אויב די טראַנספּאָרטן וועלן געשיקט ווערן מיט פרעמדע שיפן און אַז אין מאָמענט ווען דער פראַכט וועט אַדורכפאָרן דעם סועץ, וועט ער מער נישט זיין דאָס אייגנטום פון ישראל.

פּרינציפּיעל האָבן מיר נישט געקאָנט מסכים זיין מיט אַזאַ איינאָרדענונג, אַז דאָס אָפּשווימען פון אונדזערס אַ שיף פון חיפה צי תל־אביב, זאָל זיין פאַרבינדן מיט קאָנספּיראַציע, שאַ־שטיל, גלייך נישט ישראל מיינט מען און אַז די אַרויסגעשיקטע סחורות זאָל נישט זיין מער דאָס אייגנטום פון דער יידישער מדינה. נאָר בלית־ברירה, רעכענענדיק זיך מיט די פאַראַננע באַדינגונגען און נישט ווילנדיק צונישט־מאַכן דעם "אויפטו" פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון אונ"אָ – איז פּאָריקע וואָך אָפּגעשווימען פון חיפהער פּאָרט אַ קליינע גריכישע שיף "אסטאַפּאַליע" מיט 400 טאָן צעמענט, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסגעלאָדנט ווערן אין פראַנצויזיש־אַפריקאַנער פּאָרט דזשיבוטי. אָבער ווי נאָר "אסטיפּאַליע" איז אַדורכגעגאַנגען די געוויינלעכע קאָנטראָל אין סועץ – איז זי שוין ווייטער נישט געשווימען. בלויז אַן אויסגעליידיקטע שיף, נאָכן קאָנפיסקירן דעם צעמענט, קאָן ממשיך זיין אין וועג. קיין דזשיבוטי וועט די סחורה נישט דערגיין!

נאָך דער פּרשה "איגנאַ טאָפּט" און ענלעכע ווילקירלעכע האַנדלונגען מצד דער פאַראייניקטער אַראַבישער רעפּובליק, האָט מען זיי באַצייכנט אַלס ים־רויב, פאַרלעצונג פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ און פון ברעכן דעם וואָפנשטילשטאַנד צווישן מצרים און ישראל, וואָס איז אונטערגעחתמעט געוואָרן אין ראָדאָס אין יאָר 1949. נאָר אינטערעסאַנט: נאַצער האָט

זיך וויניק וואָס איבערגענומען פון אַזעלכע באַשולדיקונגען און אַפילו שוין נאָכדעם ווי ער זאָל האָבן איינגעגאַנגען אויף דעם לעצטן הסכם מיט האַמערשעלדן — איז דער גורל פון "איסטאַפּיליע" דער זעלבער ווי פון "אינגאַטאָפּט".

אויב ס'איז ריכטיק די טענה פון דער מצרישער פּרעסע, אַז דאָס שיקן די גריכישע שיף דורכן סועץ איז מצד ישראל געווען אַ פּלאַנירטע זאַך, כדי שטערן קאַיר צו באַקומען אַן הלוואה פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַנק אויף אויסצוברייטערן דעם סועץ־קאַנאל – איז אָבער נאָך ריכטיקער געווען די השערה, אַז טראָץ אַלע אַנטי־געזעצלעכע און פּראָוואָקאַטיווע האַנדלונגען מצד נאַצערן אין קאַנאַל, איז אים די הלוואה — אין דער הויך פון 561/2 מיליאָן דאָלאר — יאָ באַשטעטיקט געוואָרן!

מיט איין וואָרט: די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און אירע אינסטיטוציעס, די גרויסמאַכטן און די קלענערע מדינות, די אינטערנאַציאָנאַלע עפנטלעכע מיינונג, אנשטאט אָנווענדן דעם מאָראַלישן און פּאָליטישן דרוק צו צווינגען די פאַראייניקטע אַראַבישע רעפּובליק אָפּצושטעלן אירע ווילקירלעכע האַנדלונגען כלפּי דער ישראלדיקער נאַוויגאַציע – ווערט זי גאָר באַלוינט מיט אינטערנאַציאָנאַלע הלוואות, כאַפּט קאָמפּלימענטן פון מאָסקווע און וואַשינגטאָן, לאָנדאָן קניפּט צוריק אָן דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט קאַיר און פראַנקרייך שטרעבט צו טאָן דאָס זעלבע.

נאָך אַזאַ חנדלען זיך צו נאַצערן מצד אמעריקע און נאָך דעם פּערמאַנענטן פלירט צווישן סאָוויעטישן פּרעמיער און דעם מצרישן הערשער (וויל דאָך מאָסקווע נישט פאַרלירן אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע אויפן מיטעלן מזרח), איז פאַרן מצרישן פּרעזידענט קלאָר, אַז פוןביידע גרויסמאַכטן אין דער וועלט, דערוואַרט אים נישט קיין שטראָף, צי וועלכע ס'איז רעאַגירונג פאַרן שטערן דעם ישראלדיקן שיפספאַרקער אין סועץ. און אויב ביידע גרויסמאַכטן אַזוי – דאַן איז אויך אונ"אָ מיט איר גענעראַל־סעקרעטאַר. נאַצער האָט זיך באַשיינפּערלעך איבערצייגט, אַז זיינע אַגרעסיע־אַקטן און פּראָוואָקאַציעס ווערן גאָר באַלוינט – און נישט פאַראורטיילט!

דער דיקטאַטאָר אויפן נילוס נייטיקט זיך איצט, מערער ווי תמיד, אין שטאַרקן זיין געפאַלענעם פּרעסטיזש אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער ארענע. זיינע פּאָליטישע אַקציעס אין דער אַראַבישער וועלט זענען שטארק געפאלן. צווישן די הערשער אין קאַיר און באַגדאַד גייט לעצטנס אָן אַ ראַדיאָ־און פּרעסע־מלחמה, וואָס דער שטאַרקסטער ארגומענט פון ביידע צדדים איז... שנאה צו ישראל. און נאַצער דעמאָנסטרירט די דאָזיקע שנאה אויף אַ גאָר פּראַקטישן אופן: מינירטע פעלדער ביי דער סירישער גרענעץ, געשטערטער פישפאַנג אויפן כנרת און אַ געשלאָסנער סועץ פאַר ישראלדיקע שיפן. צו דעם זענען נאָך צוגעקומען אָפענע מלחמה־דראָונגען, אין פאַל ווען ישראל וועט אַ טייל פון די ירדן־וואַסערן לענקען צו באַפרוכפּערן איר באָדן און דעראָבערן וויסטענישן. פאַר די אַלע ווערטער און מעשים קומט די באַלוינונג: מיליאָניקע דאָלאַרן־הלוואות, געשטאַרקטער פּרעסטיזש פון נאַצערן און חניפה פון אַלע זייטן.

אין פאַריז האָט דער מערב באַשלאָסן צו טרעפן זיך מיטן סאָוויעטישן פּרעמיער אין 4 חדשים אַרום אויף דער לאַנג־דערוואַרטעטער "שפּיצן־קאָנפערענץ". אייזנהאַוער און כרושטשאָוו זענען שוין פון לאַנג געקומען צו אַ מסקנה, אַז בעסער אַ פרידלעך לעבן, איידער קאַלטע צי הייסע מלחמות. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן בדעה אָנצווענדן דעם דאָזיקן פּרינציפּ נאָר כלפּי זיך, ביים גלייכצייטיקן דערלויבן נאַצערן אָנצוגיין מיט זיין סועץ־בלאָקאַדע און חרם כלפּי ישראל.

די הלוואה אויסצוברייטערן דעם סועץ־קאַנאַל איז נישט געגעבן געוואָרן נאַצערן מיטן באַדינג, אַז ער זאָל דערלויבן דעם אַדורכפאָר פון אונדזערע שיפן מיט סחורות. די געשיכטע ווייסט אָבער, אַז אַזאַ פּאָליטישער כאַבאַר, וואָס האָט בשעתו דערפירט צו "מינכען" און זיינע שרעקלעכע פאָלגן – האָט אַ ברירה אויך אָנשפאַרן אין אונדזער ראַיאָן.

(י"ש ת"א, 24.12.59)

# דריי אַספּעקטן פונעם פּליטים־פּראָבלעם

געװעלט איז געװען די אױסערן־מיניסטאָרין גאָלדע מאיר, װען זי האָט נאָכן אומקערן זיך פון דער אונ״אָ־סעסיע דערקלערט אין ירושלים, אַז ״די ישראל־דעלעגאַציע װעט שטײן פאַר א שאַרפער דיסקוסיע אין אונ״אָ װעגן פּליטים־פּראָבלעם״. די ספּעציעלע פּאָליטישע קאָמיסיע פון דער פול־פאַרזאַמלונג באַטראַכט איצט אינטענסיװ דעם באַריכט פון דער ״אונ״אָ־אַגענטור פאַר הילף און באַשעפטיקונג פאַר די אַראַבישע פּליטים״. װידער לאָזן זיך הערן צביעותדיקע רייד און סײ אױפריכטיקע באַדױערונג איבערן גורל פון א קנאַפּן מיליאָן אױסגעװאָרצלטע מענטשן.

**ציפערן און פאַקטן װאָס ריידן צום געװיסן**

דער ציפער — אַ מיליאָן און דער פאַקט — אױסגעװאָרצלטקייט, רײדן איבערצײַגנדיק צום געפיל און געװיסן פון יעדן ערלעכן מענטש. טראָץ די ריזיקע סומען פון הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר װאָס זענען אױסגעגעבן געװאָרן פון דער אונ״אָ־אַגענטור אױף הילף די פּליטים; ניט געקוקט אױף דעם טײלװײַזן אַרײַנדרינגען פון אַ צאָל פּליטים אין דער עקאָנאָמיק פון די לענדער אין װעלכע זיי געפינען זיך איצט, זענען נאָך מיט צװיי יאָר צוריק געװען רעגיסטרירט אין די פּליטים־לאַגערן 38.6% פון זייער אַלגעמײנער צאָל: לבנון 45,143 (44%); סיריע — 20,106 (21,7%); ירדן — 171,579 (33,2%) און אין עזה־ראַיאָן — 123,770 (56%).

אויב נעמען אין אַכט, אַז אַ דורכשניטלעכע פּליטים־משפּחה ציילט 5.02 נפשות און אַז די צאָל קינדער און יוגנט ביז 15 יאָר דערגרייט ביז אַ 45% פון דער אַלגעמײנער צאָל, װעט זיך באַקומען אַ גאַנץ טרױעריק בילד פון אַ דעגענערירנדיק לעבן אין צעלטן און באַראַקן, מיט אַפּראָװיזאַציע־קאַרטן און צוגעטײלטער שפּײַז און אָנטאָן. דאָס געפיל פון זײַן אַ קעסט־קינד ביי דער אונ״אָ און אַ גאַסט אין אַ פרעמד לאַנד, קאָן נאָר דערנידעריקן און באַליידיקן און שאַפן אַ מוראדיקן מינדערװערטיקייט־קאָמפּלעקס.

נאָכמער: אַזעלכע לענדער װי לבנון און מצרים האָבן ביזן הײַנטיקן טאָג נישט געגעבן די פּליטים אפילו די עלעמענטאַרע בירגער־רעכט. דער עזה־פּאַס װערט פאַרװאַלטעט פון אַ באַזונדערער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. די 200 טויזנט פּליטים זענען טאַקע אױסגעגלײַכט געװאָרן אין די זעלבע רעכט װי די פריערדיקע 100 טויזנט אײַנװױנער פון דעם ראַיאָן, אָבער פאַר זיי אַלע איז נאָך װײַט דער װעג צו בירגערלעכע רעכט. אויך לבנון האַלט אירע 100 טויזנט פּליטים װי בירגער פון דער צװײטער מדריגה, פון װעלכע זי װאָלט זיך גערן באַפרײַט...

דאָס געפיל פון די קנאַפּע הונדערט טויזנט פּליטים אין סיריע און די 540 טויזנט אין ירדן, טראָץ דעם װאָס זיי האָבן דאָרט יאָ באַקומען בירגער־רעכט, איז נישט קיין בעסערס. אמת, פאַר דער צייט האָבן די פּליטים־לאַגערן באַקומען דעם אױסזען פון קלײנע שטעטלעך מיט מער סאָלידע בנינים; עס איז אויך גרויס די מעדיצינישע הילף און בילדונג פאַר די קינדער. נאָר טראָץ אַלעמען האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו זײַן — פּליטים...

דער־אָ מעמד פון אַזאַ גרויסער צאָל מענטשן, קרבנות פון מלחמה־אָפּעראַציעס און פּאָליטישע ספּעקולאַציעס, מוז און דאַרף דערװעקן מיטלייד ביי יעדן געװיסנהאַפטן מענטש. װי מיר זאָלן זיך נישט באַציִען מיט פאַרדאַכט צי אומצוטרוי צו געװיסע אַרויסטרעטונגען אין אונ״אָ בנוגע דעם גורל פון די פּליטים, טאָר מען אָבער נישט גרינגשעצן דעם ריין מענטשלעכן, הומאַניטאַרן אַספּעקט פון דער פראַגע. בפרט מיר יידן, װאָס האָבן אין משך פון אַ זייער לאַנגער גלות־געשיכטע געפירט אַ לעבן פון נע־ונד און נאָך דער צװײטער װעלט־מלחמה געװען אױסגעװיזן אויף הילף פון אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און אויף װוינונגען אין די טרויעריק־באַרימטע די.פּי. לאַגערן...

דאָס פאַרזען אָדער פאַרגעסן דעם ריין מענטשלעכן מאָטיװ פון דעם אָנגעװייטיקטן פּראָבלעם, איז נישט מאָראַליש און נישט יושרדיק.

### דער עקאָנאָמישער מאָמענט

וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז יושר און מאָראַל גייען נישט שטענדיק געפּאָרט מיט עקאָנאָמיק און פּאָליטיק. וואָלטן די מאָטיוון פון די וואָס ווילן לייזן דאָס פּליטים־פּראָבלעם געווען ריין־מענטשלעכע, קאָן זיין, אַז די גאַנצע פּראַגע וואָלט שוין איצט נישט עקזיסטירט. פאַראַן אָבער אויך ריין ווירטשאַפטלעכע – און איבער זיי – פּאָליטישע אַספּעקטן, וואָס צעשטערן אָן רחמנות יעטוועדן קאָנסטרוקטיוון און הומאַניטאַרן פּלאַן.

די אונ״אָ־אַגענטור צו העלפן די פּליטים, הגם זי איז נישט געריכטעט פון בלויזע פילאַנטראָפּישע הנחות, האָט אָבער נאָך אין דעצעמבער 1949 און אין יאַנואַר 1952 געפּרוּווט געפונען לייזונגען. אויך דער באַרימטער האַמערשעלד־פּלאַן מיט אַ יאָר צוריק, אויסגערעכנט אויף גאַנצע צוויי ״פּיאַטילעטקעס״, האָט פאָרויסגעזען אַן אינוועסטיציע פון 14 מיליאַרד דאָלאַר פאַר סטאַבילע באַשעפטיקונג און פאַך־אויסבילדונג פאַר די אויסגעוואָרצלטע. דאָס געלט האָט ער געזאָלט באַקומען פון די אַראַבישע לענדער וואָס זענען רייך אין נאַפט־קוואַלן און פון די מדינות וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין אונ״אָ. דער לעצטער (11־טער) באַריכט פון דזשאָן דייוויס זעט פאָר אַ דריי־יאָר פּלאַן פאַר פאַך־אויסבילדונג פון בלויז צוויי פּראָצענט (!) פון דער פּליטים־יוגנט, וואָס פאָדערט אַן אינוועסטיציע פון 8 מיליאָן דאָלאַר. האַמערשעלד האָט געמאַכט אַ חשבון, אַז שאַפן אַ סטאַבילן אַרבעטפּלאַץ פאַר איין פּליט, דאַרף קאָסטן 3,300 (דרייטויזנט דרייהונדערט!) דאָלאַר. און אַזויווי ביזן יאָר 1970 וועלן זיך געפונען אַ האַלבער מיליאָן אַרבעט־זוכנדיקע פּליטים, איז נייטיק — נישט מער און נישט ווייניקער — ווי אַ מיליאַרד מיט 700 מיליאָן דאָלאַר.

פונוואַנען נעמען אַזעלכע פאַנטאַסטישע סומען? אפילו די רייכע אַמעריקע, וואָס האָט ביז איצט אויסגעטראָגן כמעט 70% פונעם בודזשעט פון דער אונ״אָ־אַגענטור, האָט שוין נישט איינמאָל געגעבן אָנצוגעהערן, אַז זי וויל זיך באַפרייען פון דער לאַסט. אייגנטלעך, האָט די טעטיקייט פון דער אַגענטור געזאָלט אָפּגעשטעלט ווערן נאָך אין יוני ה. י. די אַראַבישע לענדער פאַלט גאָרנישט איין צו טראַכטן וועגן עקאָנאָמיש פאַרוואָרצלען די פּליטים אין זייערע איצטיקע ווױן־ערטער. די טענה ״נישטאָ קיין געלט״, וואָס הערט זיך פון אַלע זייטן, איז עלול צונישט צו מאַכן די בעסטע פּלענער.

אמת, דער דרוק איז עטוואָס לייכטער געוואָרן, נאָכדעם ווי אין משך פון יאָרן זענען אַ טויזנט פּליטים אַריבער קיין סאודיע און דאָרט זיך איינגעאָרדנט נאָך אין יאָר 1951. אַ 2,500 פּליטים האָבן באַקומען בירגער־רעכט אין איראַק און דאָרט געשאַפן א נייע היים. אַ 30,000 פּליטים אין לבנון האָבן באַקומען סטאַבילע באַשעפטיקונג, הגם אויף אַ אומלעגאַלן אופן. אויך אין מצרים און אין סיריע האָט אַ דינער שיכט פּליטים זיך פאַרוואָרצלט אין דער אָרטיקער אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט און האַנדל. און אחרון אחרון – נאָך אין יאָר 1949, האָבן 8 טויזנט פּליטים זיך צוריקגעקערט קיין ישראל און אַ 25 טויזנט האָבן זיך אַריינבאַקומען אומלעגאַל – און דאָ באַקומען אַלע רעכט. דאָס אַלץ האָט אין אַ געוויסער מאָס געגעבן אַ קאָנסטרוקטיוון צושטייער צו לייזן דאָס פּליטים־פּראָבלעם.

דאָך האַלט זייער צאָל אין איין פאַרגרעסערן זיך, צוליב אַ פּשוטער סיבה: די געבורטן זענען גרעסער ווי די טויטפאַלן און נישט אַלע טויטפאַלן ווערן געמאָלדן, ווייל דאָס וואָלט באַדייט פאַרלירן די אַפּראָוויזאַציע־קאַרטן און שטיצע פון אונ״אָ...

אַזוי ווי צוליב באַקוועמלעכקייט אין אָנגענומען צו באַנוצן זיך מיט קיילעכיקע ציפערן, רעדט מען שטענדיק וועגן אַ מיליאָן, הגם דער ציפער איז ווייט אַן איבערגעטריבענער. דאָס ענדערט אָבער נישט דעם פאַקט, אַז מען דאַרף וואָס גיכער ליקווידירן אַ גרויס סאָציאַל און מענטשלעך פּראָבלעם, וואָס לויט דער באַצייכענונג פון האַמערשעלדן, איז עס פאַרבונדן מיט אַ גאַנצן קנויל ענינים: ארץ־ישראל פּראַגע; קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די אַראַבישע לענדער; די מאָס פון עקאָנאָמישער צוזאַמענאַרבעט פון די מדינות אויפן נאָענטן מזרח.

**אלץ איז דיקטירט פון פּאָליטישע אינטערעסן**

צוויי עיקר־טענדענצן קרייצן זיך ביים לייזן דאָס פליטים־פּראָבלעם: סטאַטוס־קוואָ, איבערלאָזן די לאַגע ווי איז, כדי שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל. די אָנהענגער פון דער ליניע זענען קודם־כל די אַראַבישע רעגירונגען און זייערע פאַרבינדעטע אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. די צווייטע טענדענץ — רעקאָנסטרוקציע און פּאַרוואָרצלונג אין די איצטיקע וווין־לענדער וואָס ווערט מיט אַ האַלב מויל געפּרעדיקט דורך דער אונ״אָ־אַגענטור און האַמערשעלדן און מיטן גאַנצן מויל — דורך דער ישראל־רעגירונג און יענע פאַקטאָרן וואָס מיינען אויפריכטיק און ערלעך צו געפינען אַ לייזונג פאַר אַן אָנגעווייטיקטער פראַגע אויפן נאָענטן מזרח.

דזשאָן דייוויס שטעלט פעסט אין זיין לעצטן באַריכט, אַז ״האַמערשעלדס פּלאַן איז נישט רעאַליזירבאַר, ווייל די אַראַבער ווילן נישט״. די גוטע כוונות פון דער אונ״אָ־אַגענטור שטויסן זיך אָן אויף בייזוויליקע טענדענצן פון דער אַראַבישער ליגע. אַזוי האָט בשעתו נאַצער דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו עפענען דעם סועץ קאַנאַל פאַר ישראלדיקע שיפן, אויב — מען וועט צוריק אַריינגעמען די פליטים... די אַלגעמיינע מיינונג איז, אַז די אַראַבישע הערשער ווילן נישט לייזן דאָס פליטים־פּראָבלעם אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן. נאָר אנשטאָט זיי באַוווירקן אָדער אויפצווינגען אָפּצושטעלן דעם מיאוסן שפּיל אַרום דער ביטערער דאָליע פון די דאָזיקע אויסגעוואָרצלטע מענטשן, קאַפּיטולירט מען גאָר פאַר זייער שאַנטאַזש און דראָונגען. און דערפון אויך — דער פאַרשטאַרקטער דרוק אויף דער ישראל־רעגירונג און איבערטריבענע פאָדערונגען, וואָס דעקן זיך טיילמאָל מיט דער איינשטעלונג פון די אַראַבישע הערשער.

אַלס בולטער ביישפּיל פאַר אַזאַ צוגאַנג קאָן דינען דער אַרויסטריט פון פ.ד. מאַראַזאָוו, פאָרשטייער פון פסס״ר אין דער ספּעציעלער פּאָליטישער קאָמיסיע פון אונ״אָ, וועלכער האָט מיט עטלעכע טעג צוריק דערקלערט:

״דאָס פליטים־פּראָבלעם איז קודם־כל אַ פּאָליטיש פּראָבלעם און צוליבן אָפּזאָג פון ישראל און אירע פאַרבינדעטע צו רעאַליזירן די אונ״אָ־באַשלוסן אויף דער טעמע, איז געשאַפן געוואָרן אַ לאַגע וואָס טראָגט אין זיך האַרבע געפאַרן. די פליטים דאַרף געגעבן ווערן דער אויסוואַל צווישן אומקערן זיך אין פאָטערלאַנד, אָדער אַנטשעדיקונג, אין איינקלאַנג מיט אונ״אָ־באַשלוסן״.

ליידער, איז די אַרויסטרעטונג פון סאָוויעטישן פאָרשטייער נישט קיין צושטייער פאַר אַ פּאָזיטיווער, אָביעקטיווער און ערלעכער לייזונג פון דעם פּראָבלעם. דאָס פאַרופן זיך כסדר אויף אונ״אָ־באַשלוסן מצד אַ רעגירונג וואָס האָט ביי אַ הונדערט מאָל אויסגענוצט איר וועטאָ־רעכט אין זיכערהייט־ראַט, בלויז דערפאַר ווייל געוויסע באַשלוסן זענען איר נישט געווען צום האַרצן — מוז אַרויסרופן שטוינונג. פּונקט אַזוי איז שווער אָנצונעמען, אַז מאַראַזאָוו האָט פאַרגעסן אין דעם פאַקט, אַז מדינת ישראל האָט אויפגענומען איבער אַ מיליאָן פליטים, אויך אויסגעוואָרצלטע און פאַרפאָלגטע מענטשן, צווישן זיי — עטלעכע הונדערט טויזנט פון די אַראַבישע לענדער.

און נאָך עפּעס: פאַרוואָס וועט אַ מיטינג פון דייטשישע פליטים, אָרגאַניזירט דורך דער באָן־רעגירונג, באַצייכנט ווערן אַלס רעוויזיאָניזם און מלחמה־געפאַר, בעת די רייד פון אַן אַכמעד שוקיירי צי אַן אַבדול נאַצער וועגן גורל פון די פליטים, איז כלומרשט אויסן בלויז הומאַניטאַרישקייט און ליבע צו שלום?! שוין־זשע איז דאָס אַראַבישע פליטים־פּראָבלעם אַן איין־און־איינציקס אין די לעצטע צוואַנציק יאָר? און וואָס איז מכוח די פליטים פון טיבעט און קאָרעא, פון פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי — און פיל אַנדערע לענדער? צי אויך לגבי זיי רעדט מען אַזוי גלאַט וועגן געבן אַנטשעדיקונג, אָדער אומקערן זיך אין די פריערדיקע ערטער?

מאַראַזאָוו און דעם פאַרטרעטער פון בולגאַריע, וואָס האָט אים אונטערגעהאַלטן, איז באַוווּסט, אַז די ליידן פון די אַראַבישע פליטים זענען אויסגענוצט געוואָרן פאַר טונקעלע פּאָליטישע צילן. אַלע פּרעזידענטן, מלכים און פּרעמיערן פון די אַראַבישע מדינות, הגם זיי רעדן אין נאָמען פון די פליטים, ווילן זיי נישט געבן קיין פולע בירגער־רעכט, קיין דעמאָקראַטיש־געווילטע רעפּרעזענטאַנצן און אויך נישט די מעגלעכקייט צו פּראָדוקטיוויזירן זיך

אין זייערע לענדער. דאַקעגן זענען די "פעדאיון"־דיווערסאַנטן, רוצחים און שפּיאָנען מאָביליזירט געוואָרן פון די פליטים אין עזה. שוקיירי דראָט מיט אַ "פליטים־מאַרש" אויף ישראל, בעת דער געוו. ירושלימער מופטי טרוימט וועגן אַ "פּאַלעסטינער רעגירונג" און "פּאַלעסטינער אַרמיי" פון בלויזע פליטים. דער לבנונער מיניסטער דזשומייל רעדט וועגן אַ פּאַלעסטינער מלוכה אין מערבדיקן טייל, לויטן חלוקה־באַשלוס פון יאָר 1948, כדי דאָרט אויפשטעלן אַן אַרמיי וואָס זאָל שפּעטער "באַפרייען" דעם מזרחדיקן טייל פון ארץ־ישראל... אין די שולן ווערן די פליטים־קינדער דערצויגן אין זאָאָלאָגישער שנאה צו ישראל און פסיכאָלאָגיש און מיליטעריש גרייט מען זיך צום "טאָג פון נקמה". זעלטן ווען ווייסט די געשיכטע פון אַזעלכע פאַלן פון שפּעקולירן מיט מענטשלעכער נויט און פּיין, ווי דאָס ווערט געטאָן מיט דער מיליאָניקער מאַסע פליטים. און דער דאָזיקער אומווירדיקער שפּיל ווערט אָפן און אומפאַרשעמט געשטיצט דורך קליינע און גרויסע רעגירונגען, וואָס האָבן גיכער אין זינען זייערע סטראַטעגישע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן אין ראַיאָן, איידער דעם ביטערן גורל פון די פליטים.

**נאָר דירעקטע אונטערהאַנדלונגען!**

די אַלע געריכטע אַרגומענטן זענען אָבער נישט אויסן צו באַפרייען ישראל פון אַ געוויסער מאָראַלישער און פּאָליטישער התחייבות כלפּי די פליטים. אמת, אַז אין רעזולטאַט פון דער אַראַבישער פּראָפּאַגאַנדע אין יאָר 1948, ווי אויך געיאָגט פון פחד צוליב דער פּאָראויסמאַרשירנדיקער ישראל־אַרמיי, האָבן די ארץ־ישראל אַראַבער פאַרלאָזט זייערע וווין־ערטער. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז דאָס פליטים־פּראָבלעם איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פונעם אַנטשטיין פון מדינת ישראל. דאָס פאַרפליכטעט ישראל נישט אויפצוהערן פאָדערן די סאַמע עלעמענטאַרסטע זאַך: דירעקטע שלום־פאַרהאַנדלונגען צווישן די צעקריגטע צדדים, וואָס וועלן אויך געפונען אַ לייזונג פאַרן פליטים־פּראָבלעם; און אַ קלאָרע און אומצווייטייטיקע דערקלערונג, אַז אין די ראַמען פון אַ שלום, וועט ישראל געבן איר אַנטשפּרעכנדיקן צושטייער צו לייזן דאָס פּראָבלעם אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן.

קלאָר, אַז צו דער דאָזיקער שטעלונג מוזן זיך אָנשליסן די גרויסמאַכטן, די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און אין דער ערשטער ריי — די אַראַבישע הערשער. עס איז אוטאָפּיש און פאַרפירעריש צו ריידן וועגן וועלכע ס'איז לייזונגען, אָנעם זיצן ביים רונדן טיש. אַפילו אויף צו דערעדן זיך נאָר וועגן די פליטים, אָן אַ שלום־אָפּמאַך צווישן ישראל און די אַראַבער — דאַרף מען זיצן ביי איין טיש. בעתן וואָפנשטילשטאַנד־הסכם אין ראָדאָס אין יאָר 1949, האָבן ישראלדיקע און אַראַבישע פאָרשטייער פאַרהאַנדלט ביי איין טיש — טאָ פאַרוואָס נישט איבערחזרן איצט אַזאַ צוזאַמענטרעף אין ירושלים אָדער אין קאַיר?

(י"ש ת"א, 30.11.60).

# און ווו זענען מיר?

איבעראַשנדיקע און דווקא פּאָזיטיווע נייעס טראָגן זיך איצט איבער דער וועלט. לאָמיר אויסרעכענען די וויכטיקסטע:

די אויסערן־מיניסטאָרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון ראַטנפאַרבאַנד, דין ראַסק און אַנדריי גראָמיקאָ, פאַרהאַנדלען שוין לאַנג אין ניו־יאָרק וועגן לאַאָס, קאָנגאָ און אַנטוואָפענונג; דערנאָך דערקלערן זיי, אַז "דער צוזאַמענטרעף וועט ברענגען צו קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג אין די איינשטעלונגען פון ביידע רעגירונגען";

די פאָרשטייער פון פסס"ר און פון אַמעריקע שטימען סאָלידאַריש אין זיכערהייט־ראַט צו באַטראַכטן אויף אַ דרינגענדיקן אופן די לאַגע אין אַנגאָלאַ, די פּאָרטוגאַלישע קאָלאָניע אין אפריקע;

די טעג, דאַרפן די פאָרשטייער פון דער פ.ל.נ. און פון דער פראַנצויזישער רעגירונג זיך טרעפן ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ און אָנהייבן אָפיציעלע און קאָנקרעטע אונטערהאַנדלונגען וועגן פייער־איבערייס און אויטאָנאָמיע פאַר אַלזשיריע;

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אונ״אָ באַקומט פון אַלעמען די אונטערשטיצונג צו שיקן קיין קאָנגאָ אַ דריי־פּערזאָניקע אינטערנאַציאָנאַלע פאָרש־קאָמיסיע, וואָס זאָל פעסטשטעלן די סיבות פון לומומבאַס־טויט;

די קאָנפערענץ פון דער בריטישער קאָמאָנוועלט אין לאָנדאָן ענדיקט זיך מיטן אויפצווינגען אויף דרום־אַפריקע זי זאָל פאַרלאָזן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע און מיט אַ רעזאָלוציע וועגן אַנטוואָפענונג־געשפרעכן וואָס זאָל אויך אַריינגעמען פאָלקס־כינע;

אין זשענעווע זענען באַנייט געוואָרן די געשפרעכן וועגן קאָנטראָל איבער אַטאָם־אַנטוואָפענונג.

די דאָזיקע עטלעכע ידיעות כאַראַקטעריזירן די קאָלאָסאַלע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען סיי אין רעזולטאַט פון טוישן די אייזנהאַוער־אַדמיניסטראַציע אין וואַשינגטאָנער ״ווייסן הויז״, סיי צוליב די אַנטוויקלונגען אין אפריקע, אין אונ״אָ און אין אַ ריי אַנדערע לענדער. די אַלגעמיינע טענדענץ פון דעם איז: בעסער זיצן ביי אין טיש, איידער פירן אַ מלחמה אויפן שלאַכטפעלד אָדער ווייטער אָנגיין מיטן קאַלטן קריג. אנשטאט שפּאַנונג, אינטריגעס, אונטערגראָבונג, קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען – בעסער אנטשפּאַנונג, צונויפריידונג, הסכמים, צוטרוי. און אויב ס׳וועט אַזוי ווייטער גיין – אויך אַנטוואָפענונג. דאָס פּאָליטישע אייז האָט גערירט – און גראָד אין דער געהעריקער ריכטונג. ס׳איז צו דערוואַרטן אַ מין פעלקער־צונויפרייד און פאַרשטענדיקונג צווישן מלוכה־מענער. אנשטאט חרוב מאַכן אַ וועלט, וויל מען אויפבויען דעם שלום.

בלויז אונדזער ראַיאָן איז ״אַרויסגעפאַלן״ פון דער מאַפּע פון פעלקער און לענדער, ווו ס׳האָבן געגומען בלאָזן די נייע ווינטן. מיר מיינען דאָ נישט נאָר די באַציאונגען צווישן ישראל און אירע שכנים, נאָר אפילו צווישן די אַראַבישע לענדער גופא. שנאה, אומצוטרוי, פאַרדאַכטן, באַשולדיקונגען, אונטערגראָבונג־אַרבעט — וואָס זענען אין די לעצטע 12 יאָר געוועזן ממש דאָס טאָג־טעגלעכע פּאָליטישע ברויט פון נאָענטן מזרח – האַלט ווייטער אָן. אָט שיינט, אַז ירדן און מצרים האָבן זיך איבערגעבעטן, אַז צווישן באַגדאַד און קאַיר האָבן זיך נאָרמאַליזירט די באַציונגען, אַז לבנון מיט דער פאַרייניקטער אַראַבישער רעפּובליק וועלן זיין גוטע, ווילע שכנים – און מיטאַמאָל: אויס מיט אַלע האָפענונגען!

נאָך דער לעצטער קאָנפערענץ פון דער אַראַבישער ליגע אין באַגדאַד, ווו אירע מיטגלידער האָבן זיך פונדאָסניי פאַרפליכטעט צו פאַרבעסערן זייערע באַציונגען און עס האָט זיך אַפילו געמערקט אַ דערנענטערונג צווישן מלך חוסיין און פּרעזידענט נאַצער – איז ווידער אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן ביידע אַראַבישע מדינות. פון קאַיר און ראַבאַט־אַמאָן הערן זיך די אַלטע באַשולדיקונגען. נאַצער גרייפט אָן אין דמשק די לבנונער רעגירונג און אייניקע אירע פּאָליטיקער, קאַסעם רעדט פאַר זיינע אָפּיצירן קעגן מצרישן דיקטאַטאָר. באַמבע־אויפרייסן הערן זיך אין ביירוט און ווידער פאַלן קרבנות אויף די גאַסן פון מאָסול.

אויפן נאָענטן מזרח גרייכן נישט די נייע אָנזאָגן.

*

פאַרגליווערט איז אויך די לאַגע אין די ישראל־אַראַבישע באַציונגען. די סיריער שיסן ווייטער אויף אונדזערע טראַקטאָריסטן און גרענעץ־וועכטער, אַריינדרינגלער פון עזה־ראַיאָן גנבענען אויף ישראל־טעריטאָריע, וואָס דערמאָנט ווידער ווו מיר האַלטן אין דער וועלט מיט אונדזערע שכנים, אין דרייצנטן יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. עס האָט טאַקע אויפגעהערט דער פריערדיקער מאָרד און אָפענע פּראָוואָקאַציעס ביי די גרענעצן, אָבער די בייזע פינצטערע כוונות כלפי אונדז לעבן נאָך אין קאַיר און אין ביירוט, אין ראַבאַט־אַמאָן און אין באַגדאַד. ביז איצט איז נאָך אין קיין איינער פון די אַראַבישע הויפּטשטעט נישט אויפגעשטאַנען אַ מנהיג וואָס זאָל וואַגן עטוואָס ענדערן דעם קורס, פּרווון פאַרלייגן געשפרעכן ביי איין טיש, גיין אויפן וועג פון אָנערקענען מדינת ישראל אַלס עקזיסטירנדיקן פאַקט. אויף אַזעלכע שריט, ווי עס האָט זיך דערלויבט אַ קענעדי צי אַ דע־גאָל, פעלט אויס אָטעם, היסטאָרישע פּערספּעקטיוו און פּאָליטישער פאַרשטאַנד ביי די אַראַבישע מנהיגים.

די אַראַבישע עקשנות און פֿיינטשאַפֿט טאָר אָבער אונדזער אָפֿיציעלע אויסערן־פּאָליטיק נישט האַלטן אין אַ לאַגע פֿון פּאַראַליזירטקייט, איניציאַטיוולאָזיקייט און אומווילן צו רעאַגירן. די שלאַכטן און פֿאַרביסנקייט צווישן פּ.ל.נ. און פֿראַנקרייך האָבן אין זייער מאַסשטאַב און טראַגישע פֿאָלגן נישט ווייניק ענלעכקייט צו די פֿאַראַנענע אומשטענדן ביי ישראל און אירע שכנים. דאָך איז גראָד פֿון פּאַריז געקומען די איניציאַטיוו. אַלע פֿילן, אַז שוין נישט לאַנג ווי דאָס בלוטבאָד אין אַלזשיריע וועט אויפֿהערן און ביידע צדדים וועלן געפֿינען אַ מאָדוס צו לייזן דעם רוב זייערע שטרייטן. וואָלט נישט געשאַדט, אַז ירושלים זאָל נאָכטאָן פּאַריז מיט אַן ענלעכער שלום־איניציאַטיוו, אַרויסקומען מיט פֿאָרשלאָגן און לייזונגען, וואָס זאָלן געפֿונען אָפּקלאַנג אין דער וועלט און אין ראַיאָן. אַזאַ איניציאַטיוו וועט זיך גוט אַריינפּאַסן אין דער איצטיקער אַטמאָספֿער פֿון זוכן פֿאַרשטענדיקונג און פֿאַרשטענדניש אין צווישנפֿעלקערלעכע באַציאונגען און מערער ווי תמיד האָבן אויסזיכטן, אַז די אויסגעשטרעקטע האַנט אונדזערע זאָל נישט בלייבן הענגען אין דער לופֿטן.

די רעדע פֿון דער אויסערן־מיניסטאָרין גאָלדע מאיר אין כנסת, ווו זי האָט ביי דער געלעגנהייט פֿון רעפֿערירן דעם בודזשעט פֿון איר מיניסטעריום, אויך גערעט וועגן די אויסערן־ענינים פֿון ישראל – האָט נישט אַרויסגעבראַכט קיין נייע פֿאָרשלאָגן, קיין וועזנטלעכע ענדערונגען אין דער ביז־איצטיקער סטאַטישער אויסערן־פּאָליטיק פֿון דער מדינה.

...ווען אויף דער וועלט קומען פֿאָר אַזעלכע ווייטגייענדיקע, פּאָזיטיווע אַנטוויקלונגען, וועט מען אוודאי אויך שטעלן די פֿראַגע:

און ווו זענען מיר?

(י״ש ת״א, 23.3.61)

# די אַראַבישע קליאַטשע...

מיט אַ צייט צוריק האָט די בריטישע טעלעוויזיע געווידמעט איינעם פֿון אירע פּראָגראַמען די פּראָבלעמען פֿון נאָענטן מזרח. צווישן די פֿילמען און בילדער, וואָס האָבן געוויזן די איבונגען פֿון די טעראָר־גרופּעס, באַגלייט מיט פּאַטעטיש־באַרימערישע רייד פֿון אייניקע ״על־פֿאַטאַך״־מענטשן און אַפֿילו פֿון 14־15 יאָריקע קינדער — איז אויך פֿאָרגעשטעלט געוואָרן דער באַזוך פֿון ירדנער קיניג כוסיין אין אַ לאַגער פֿון אַראַבישע פּליטים, וועלכע ער האָט גערופֿן צו געדולד, אויסדויער — וויל ס'וועט קומען דער טאָג, ווען זיי וועלן צוריק באַקומען זייער ערד...

פֿון יאָר 1948 גייט אָן די זעלבע שפּיל מצד אַלע אָן אויסנאַם אַראַבישע הערשער: זייען אילוזיעס, פֿלאַנצן שנאה און פֿלעגן נקמה און רעוואַנזש־געפֿילן ביי די הונדערטער טויזנטער אומגליקלעכע קרבנות פֿון זייער פֿאַרפֿירערישער פּאָליטיק. אָנשטאָט פֿאַרוואַנדלען די פּליטים אין קאָנסטרוקטיווע, אַרבעטנדיקע און שעפֿערישע מענטשן, האָבן נאַצער און כוסיין געהאַלטן זיי אין ״רעזערוואַטן״, ספּעציעלע לאַגערן, ווו די אונרר״א האָט זיי געשפּייזט מיט די חודשלעכע ראַציעס, און די רעגירונגען אין קאַיר, רבת־עמון, דמשק און באַגדאַד — מיט טאָג־טעגלעכע פֿאָרציעס אַנטי־ישראלדיקן גיפֿט.

**״קראָמיע יעווריעיוו״**

דאָס אַראַבישע פּליטים־פּראָבלעם איז ווייט פֿון צו זיין איין־און־איינציק — אין דער צעשטורעמטער וועלט פֿון מלחמות, רעוואָלוציעס און נאַטור־קאַטאַסטראָפֿעס. ס'איז אָבער דאָך אַן אויסנאַם פֿון אַלע ביז איצטיקע אומגליקן וואָס האָבן געטראָפֿן אויסגעוואָרצלטע מענטשן פֿון זייערע היימען און מדינות — נישט צוליב א. ג. אָביעקטיווע באַדינגונגען, נאָר בלויז און אויסשליסלעך צוליב דעם סוביעקטיוון ווילן פֿון די אַראַבישע רעזשימען.

פֿון יאָר 1945 ביזן יאָר 1961, איז אין רעזולטאַט פֿון דעם צווייטן וועלט־קריג און פֿון שפּעטערדיקע לאָקאַלע מלחמות, געענדערטע רעזשימען און רדיפֿות, איינגעאָרדנט געוואָרן אַ 50

מיליאָן פּליטים: פּאַקיסטאַן האָט אויפגענומען 6,5 מיליאָן מוסולמענער פון אינדיע און די ווידער האָט צוגענומען צו זיך 9 מיליאָן הינדוסן פון פּאַקיסטאַן; פּוילן האָט איינגעאָרדנט ביי זיך 4,5 מיליאָן פּאָליאַקן פון מזרח־אייראָפּע; מערב־דייטשלאַנד — 13 מיליאָן פון מזרח־דייטשלאַנד; האָנג־קאָנג — 700 טויזנט פּליטים פון כינע; פינלאַנד — 450 טויזנט פון רוסלאַנד.

נאָר צו וואָס גיין אַזוי ווייט מיט ביישפּילן און פּאַרגלייכן? אין משך פון די 20 יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, האָבן מיר אויפגענומען אַ מיליאָן פּליטים פון אייראָפּע און פון די אַראַבישע לענדער. לייגט זיך אויפן שכל, אַז אויך אויפן נאָענטן מזרח האָט געגוי ווי אין אייראָפּע און אין אַזיע, געמעגט אָנגעווענדט ווערן דער פּרינציפּ פון "באַפעלקערונג־אויסטויש". די צאָל יידישע פּליטים פון תימן, מצרים, סיריע, איראַק און צפון־אַפריקע אין די יאָרן 1948־1952, אַנטשפּרעכט בערך דער צאָל אַנטלאָפענע אַראַבער פון ישראל אין 1948. נאָר די געזעצן און דערשיינונגען בנוגע פּאַקיסטאַן און אינדיע, גריכנלאַנד און טערקיי (אין דער ערשטער וועלט־קריג), אָדער צווישן פּוילן און דייטשלאַנד — הערן אויף צו האָבן זייער קראַפט און האפט, ווען עס קומט צו ישראל. א סברה, אַז אויך אין דעם פאַל איז גילטיק דער ביזער, פּאַטאַליסטישער און להכעיסדיקער "קראָמיע יעוודעיעוו"...

## צעשטערטע מחיצות

די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט פּאַרגרעסערט די אַראַבישע פּליטים־אַרמיי. ביי אַ 150 טויזנט סטאַבילע איינוווינער און פּליטים פון 1948 האָבן אין די יוני־טעג 1967 און שפּעטער, גענומען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט און דאָס ביסל אָרעמקייט אויף דער פּלייצע און אַנטלאָפן פון עזה־ראַיאָן, פון מערב־ירדן, פון דעם סירישן רמת־הגולן. יעדער באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס צווישן מדינות וואָרצלט אויס מענטשן פון זייערע היימען — און די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט ניט געקענט זיין קיין אויסנאַם. דערפאַר אבער איז אונטער דער ישראל־הערשאַפט צוגעקומען נאָך אַ מיליאָן אַראַבער.

נאָר אַ מאָדנע דערשיינונג: דער ישראלדיקער מיליטערישער רעזשים אין די נייע געביטן, גיט דער מאַסע פּליטים מער פרייהייט פון באַוועגונג און מעגלעכקייטן, קאָנטאַקטן מיט זיערע ברידער פון יענער זייט ליניע פונעם פייער־איבעררייס, ווי זיי האָבן דאָס געהאַט אונטער דער מצרישער, צי ירדנער ממשלה. דורך די בריקן איבערן טייך ירדן גייט יעדן טאָג אָן אַ לעבהאַפטע באַוועגונג פון שווער באַלאָדנטע מיט גרינס לאַסט־אויטאָס — די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע פון יהודה און שומרון — קיין מזרח־ירדן; עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן 20 טויזנט דערלויבענישן פאַר אַראַבער פון יענער זייט ירדן, זיך אומצוקערן אין זייערע פריערדיקע היימען, אָדער צוריק פאַראייניקן זיך מיט זייערע משפּחות; 3 טויזנט סטודענטן, שילערס און אַרבעטער, וואָס לערנען און זענען באַשעפטיקט אין די פאַרשיידענע אַראַבישע לענדער, צי אין אייראָפּע, איז דערמעגלעכט געוואָרן אין די וואַקאַציע־חדשים צו באַזוכן זייערע עלטערן און קרובים, וואָס ווינען אין יהודה און שומרון; די אַראַבער פון עזה־ראַיאָן פאָרן אומגעשטערט באַזוכן זייערע ברידער אין ראַמאַללאַ, שכם, חברון און דזשענין, וואָס זיי האָבן ניט געקענט טאָן פאַר יוני 1967. און צווישן דער צעטיילטער ירדנער מדינה און איר באַפעלקערונג איז מצד ישראל דערלויבט קעגנזייטיקע באַזוכן. מיט איין וואָרט — אַ סך פריערדיקע מחיצות זענען פאַרשוווּנדן.

די אַלע מאָסמיטלען און פאַרלייכטערונגען, וועלכע פלעכטן זיך אָרגאַניש אַריין אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג אויף די שטחים מיט וועלכע מיר פאַרוואַלטן איצט און זענען אַליין פאַר זיך אַ ברכה פאַר דער דערדריקטער און דערשלאָגענער פּליטים־מאַסע — לייזן אָבער נישט יסודותדיק דאָס דאָזיקע פּראָבלעם און גיבן זיי ניט דערוויַיל קיין פונק פון האָפענונג, אַז זייער סטאַטוס אַלס פּליטים וועט בקרוב זיך ענדערן. מיט דעם דאָזיקן געפיל זענען באַהערשט ניט בלויז די פּליטים גופא, נאָר אויך אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער ישראל־געזעלשאַפטלעכקייט. מיט 2 וואָכן צוריק זענען אין כנסת דערלאַנגט געוואָרן אַזש 4

אינטערפעלאַציעס: "וואָס האָט די רעגירונג בדעה צו טאָן אין דער פּליטים־פּראַגע?" די אינטערפעלאַנטן געהערן צו פּאַרטייען, וועלכע זיצן אין דער קאָאַליציע. דער פּרעמיער אשכול האָט געענטפערט — און צווישן זייער אַ סך ריכטיקע אַרגומענטן זיינע, האָט מען אָבער בשום אופן ניט געפונען די קלענסטע אָנדייטונג, אַז מצד ירושלים ווערט אונטערגענומען עפּעס ערנסט און ממשותדיק לטובת די פּליטים.

### ישראל דאַרף יאָ עפּעס טאָן פאַר די פּליטים

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז אין משך פון די אָפּגעלאָפענע 15 חדשים זינט יוני 1967, האָבן מיר געקענט (און באַדאַרפט!) אויפשטעלן אייניקע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים און וווינ־קוואַרטאַלן אין די אַראַבישע שטעט, כדי אַהין איבערפירן אַ צאָל פּליטים פון זייער דעגענערירנדיקן לעבן אין נויט, אומוויסן, און שנאה — צו אַ פּראָדוקטיוו לעבן אין פעלד, אין וואַרשטאַט און אין מסחר. נאָך דעם ווי מדינת ישראל האָט אויפגענומען און אויך איינגעאָרדנט העכער אַ מיליאָן פּליטים־עולים, וואָלט פאַר איר ניט שווער געווען, טאַקע נאָכן פּרעכטיקן נצחון אינעם זעקס־טאָגיקן קריג, עפּעס־וואָס אויפטאָן אויך פאַר דעם טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס געהערט איצט צו אונדז. און צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן ניט, טראָגט מען פאַר זיי אַן אחריות. אַזאַ ערשטער קאָנסטרוקטיווער שריט וואָלט זיכער אויפגענומען געוואָרן מיט אַ סך פאַרשטענדעניש אין דער וועלט און אויך אינטערנאַציאָנאַלע פאָנדן וואָלטן זיך איינגעשפּאַנט פאַר דעם וויכטיקן אויפטו.

דער אַרגומענט, אַז כל זמן ס'איז ניטאָ קיין שלום־אָפּמאַך צווישן אונדז מיט די שכנים, קאָן ניט געלייזט ווערן די פּליטים־פּראַגע — איז טאַקע אַ ריכטיקער, אָבער ניט אַבסאָלוט. די טענה ווידער, הגם אויך אַ פולשטענדיק אמתע, אַז אין די אַראַבישע לענדער איז דאָ גענוג באָדן, וואַסער, געלט־מיטלען און מעגלעכקייטן איינצואָרדענען די פּליטים — באַפרייט פאָרט ניט מדינת ישראל פון געוויסע שריט צו לייזן איינעם פון די אָנגעווייטיקסטע הומאַניטאַרע און פּאָליטישע פּראָבלעמען אין אונדזער ראַיאָן. גראָד איצט איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט און נויטווענדיקייט אַ שטויס צו געבן דעם ענין אין דער געוווּנטשענער ריכטונג.

### ניט דאָס פאָלק איז שולדיק

אויך אין דעם פאַל ווילט זיך פרעגן די אַלטע קשיה: וואָס איז שולדיק דאָס פאָלק? פאַר וואָס דאַרפן ליידן די קינדער?

מיט אַ יאָר צוריק, ווען אונדז איז אויסגעקומען צו באַזוכן יענע אַלע מקומות, וועלכע צה"ל האַלט אין איר רשות, ביזוואַנען ס'וועט ניט קומען צו קיין הסכם צווישן ישראל און די שכנים, האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט פון דער נאָענט צו זען די דערשלאָגענע, וועגעטירנדיקע און אָרעמע מאַסע פּליטים אין די לאַגערן אין עזה, צי אין יהודה און שומרון. ביי די נאַצערס און כוסיינס זענען זיי, די פּליטים, געווען די פּאָן פון אַנטי־ישראלדיקן קאַמף; אין זייער נאָמען האָט קאַיר, רבת־עמון און שוקיירי געבליצט און געדונערט קעגן דער יידישער מדינה — נאָר אַליין ניט געטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער, כדי עטוואָס לינדערן זייער נויט (אמת, נאַצער האָט בשעתו יאָ אויפגענומען אַ ביסל פּליטים — אָבער פון גאָר אַן אַנדערער קאַטעגאָריע: אַנטרונענע קריגס־פאַרברעכער, מיליטערישע מומחים פון נאַצי־דייטשלאַנד, ווי דער ס.ס. קאָלאָנעל סקאָרצעני; אייניקע ספּעצן פאַר אַנטי־ישראלדיקער פּראָפּאַגאַנדע פון געבעלסעס מיניסטעריום און אַ גרעסערע צאָל — שוין ניט קיין פּליטים — דייטשע וויסנשאַפטלער, כדי גרייטן ווייטשיסנדיקע ראַקעטעס)...

צוקוקנדיק זיך טאַקע צו דער מאַסע פּליטים אין די לאַגערן און אין די אַראַבישע שטעט, איז געקומען אויפן געדאַנק די דערציילונג פון שלום־עליכמען, וועלכע ער האָט געהערט פונעם ציידן וועגן דער געשיכטע פון דער "קליאַטשע". מענדעלע מוכר ספרים האָט דורכן פענצטער פון אַ גלופּסקער אכסניה דערזען ווי אַן אויסגעמוטשעטער ייד שלאָגט זיין אויסגעדאַרט פערדל,

איינגעשפּאַנט אין אַ פולן וואָגן מיט ציגל. דעם זיידן האָט זיך אין יענעם מאָמענט אויסגעוויזן, ווי די קליאַטשע האָט גאָר באַדויערט דעם שלעגער אירן, אויך אים געהאַלטן פאַר אַ קרבן. האָט זי טאַקע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט איר מאָרדע אָנגעוויזן אויפן אָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ באַקאַנטער נפש, פון יענע פיינע בריאות... און מענדעלע פאַרענדיקט די דערציילונג: ״ס׳איז מיר געקומען אויפן זינען דער פסוק פון שיר השירים: לסוסתי ברכבי פרעה — צו דער קליאַטשע אינעם רייטוואָגן פון פרעה, דמיתיך רעיתי — טו איך דיך גלייכן, כנסת ישראל!״

*

די ״אַראַבישע קליאַטשע״ — די הונדערטער טויזנטער פּליטים, זענען דערוויַיל ווייניקער זעעוודיק ווי מענדעלעס פערדל: זיי האָבן זיך נאָך נישט געכאַפּט, אַז זיי גייען אין געשפּאַן פונעם פּאָליטישן רייטוואָגן פון מאָדערנעם פרעה און זיין מיטליפער כוסיין. אַ ביסל איניציאַטיוו, אַ ניט גרויסער אויפטו און מי מצד ישראל פאַר אַ קאָנסטרוקטיווע לייזונג פונעם פּליטים־פּראָבלעם, וועט פון דער דאָזיקער ״קליאַטשע״ צונעמען אַ סך בלינדקייט און פאַרבלענדקייט...

(י״ש, 19.2 .69)

# גבורה פון פּחדנים

דער מלך פון סאַודיע האָט מיט יאָרן צוריק דערקלערט, אַז ר׳איז גרייט מקריב צו זיין אַ צען מיליאָן אַראַבער, כדי אומצוברענגען ישראל. ס׳איז אָנצונעמען, אַז צו דער ריזיקער צאָל קרבנות, האָט איבן־סאוד ניט אַריינגערעכנט אוודאי די צענדליקער ווייבער פון זיין האַרעם, די צעצווייגטע משפחה, הויפלייט און פריינד. דעריבער אַזאַ קיניגלעכע ברייטהאַרציקייט מיט מענטשלעכע לעבנס — אויפן מזבח פון ראַסן־האַס און פעלקער־שנאה.

אויך די איצטיקע אַראַבישע הערשער זענען גרייט צו קעמפן מיט מדינת ישראל, ביזן... לעצטן פּאַלעסטינער אַראַבער און פּליט, דעם פּאַקטישן קרבן פון זייער אייגענער, פאַרברעכערישער פּאָליטיק אין די יאָרן 1948, 1967 און שפּעטער.

**מיט פרעמדע הענט**

דאָס ווערטל ״מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן״, איז ווי אָפּגעמאָסטן פאַר נאַצערן, חוסיינען און אַנדערע. יעטוועדער פּרווו זייערער צו פאַרמעסטן זיך מיט ישראל אויפן שלאַכטפעלד, האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה פון די אויסגעשולטע און גוט באַוואָפנטע אַרמייען פון מצרים, ירדן, סיריע.

בדרך כלל פירט זיך אין דער וועלט, און אויך די געשיכטע האָט עס טויזנטער מאָל באַשטעטיקט, אַז נאָך מלחמה קומט שלום; אַז ווי נאָר די האַרמאַטן הערן אויף דונערן, הייבן אָן דיפּלאָמאַטן אונטערהאַנדלען, כדי די תקופה פון שלאַכטן פאַרגעסן און פאַרווישן מיט שפּעטערדיקן פרידלעכן בוי און צוזאַמענאַרבעט. אָבער די אַלע נאָרמאַלע געזעצן און פּרעצעדענסן גילטן ניט ביי אונדזערע שכנים. זיי איז בילכער מלחמה, ברענענדיקע גרענעצן, נייע קרבנות — ווידער אויפן חשבון פונעם אַלטן קרבן, די פּאַלעסטינער פּליטים, וועלכע בילדן דעם חוט־השדרה און עיקרדיקן מענטשען־מאַטעריאַל פון די קנאַפּע 40 טעראָר־אָרגאַניזאַציעס. לויט דער פּאָליטישער סטראַטעגיע פון קאַיר, דמשק און ראַבאַט־אַמאַן און מיליטערישער טאַקטיק פון אַ יאַסיר אַראַפאַט און יעכי כאַמודאַ, דאַרפן ״אל פאַטאך״ און דער ״פראָנט צו באַפרייען פּאַלעסטינע״ ממשיך זיין די זעקס־טאָגיקע מלחמה.

די געשיכטע פון אַנטי־יידישן טעראָר דאַטירט זיך מיטן אויפקום פונעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, ווען די ערשטע מענטשן פון דער ביל״ו־עלייה, האָבן סוף פאָריקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן קומען אַהער. אַראַבישע רציחות, פּאָגראָמען, גזילה און גניבה — זענען געוועזן כמעט

אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. דער אויפקום פון דער מדינה און דאָס געשאפענע פּליטים־פּראָבלעם, האָבן געגעבן דעם טעראָר אַ מער "אידעאָלאָגישן" לבוש, ניט בלויז אין קאַמף מיט דער "ציוניסטישער מדינה", נאָר אויך געדינט אַלס מכשיר צו לייזן אינערלעך־אַראַבישע פּראָבלעמען, אין די צווישן־אַראַבישע באַציונגען, ווי אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. די אַראַבישע פּאָליטיקער רייטן אויפן פּאַלעסטינער פערדל, די הערשנדיקע פּאַרטייען און רעזשימען אויפן נילוס, ירדן, ליטאַני און דמשק, זענען עס געווען די גרינדער און אַפּוטרופּסים איבער די וויכטיקסטע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס.

### ווער זענען זיי?

ווי געזאָגט, עקזיסטירן היינט־צו־טאָג אַ פיר צענדליק טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן פון די פּאַלעסטינער אַראַבער. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די 4 וויכטיקסטע פון זיי:

"אל פאטאך" (באַוועגונג צו באַפרייען פּאַלעסטינע) איז כלומרשט אַן אומאָפּהענגיקע באַוועגונג, הגם זי איז אַנטשטאַנען אין סיריע, וועלכע האָט פון לאַנג זיך צוגעאייגנט די טעאָריע וועגן גערילאַ־קאַמפן אין גרויסן מאסשטאב, כדי אַריינציען אַלע אַראַבישע מדינות אין אַ מלחמה מיט ישראל און מאַכן מיט איר אַ סוף (אויך אַלזשיריע איז ביי דער זעלבער מיינונג).

איינער פון די וויכטיקסטע צענטערס פון "אל פאטאך" איז... מערב־דייטשלאַנד, ווייל דאָרט געפינען זיך עטלעכע טויזנט אַראַבישע סטודענטן און פּאַלעסטינער מנהיגים, מיט פּאַרשיידנאַרטיקע אידעאָלאָגיעס.

די טעראָר־אַקטן פירט דורך איר מיליטערישער אָפּצווייג "אַל אעסיפא" ("שטורעם").

"פּאַלעסטינער באַפרייונג־אָרגאַניזאַציע", אַנטשטאַנען בעת דער ערשטער אַראַבישער שפּיצן־קאָנפערענץ אין יאָר 1964, מיט דער כוונה צו פאַרייניקן אַלע טעראָר־גרופּן, נאָר קודם־כל — זיי זאָלן זיין אונטערגעאָרדנט קאַיר. בראש פון דער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען אכמעד שוקיירי, וועלכער איז נאָך דער זעקס טאָגיקער מלחמה אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון דעם אַמט.

"פראָנט צו באַפרייען פּאַלעסטינע" ("דזשעטפּ"), אַ מיליטערישע, פּראָ־מצרישע אָרגאַניזאַציע וואָס איז צעפּיצלט אויף 3 גרופּן: "יוגנטלעכע פון נקמה" ("שאַבאַוו עלטאַר"); "פּאַלעסטינער באַפרייונגס־פראָנט" ("דזשעטפּיא") און "העלדן פון אומקערן זיך אין היימלאַנד" ("אַבטאַל על־אודאַ").

פּיאָנערן פון באַפרייונגס־קריג" — אַ פּאַרהעלטנישמעסיק נייע אָרגאַניזאַציע, אַנטשטאַנען אויף דער איניציאַטיוו פון דער סירישער הערשנדיקער פּאַרטיי — "באַאַט".

די אַלע באָמבאַסטישע נעמען פון די פּאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, גיבן שוין אַ גענוג, קלאָר בילד וועגן דער מענטאַליטעט פון זייערע מנהיגים. די־אָ מענטאַליטעט קומט צום אויסדרוק ניט נאָר אין די שיין־קלינגעוודיקע, הגם גאָרניט־זאָגנדיקע נעמען, וועלכע פּאַרמאָגן מערער מליצה און פּראַזעאָלאָגיע, ווי אינהאַלט און אידעע, נאָר אויך די ליגנערישע, איבערטריבענע קאָמוניקאַטן וועגן זייערע אַקציעס, מיט וועלכע מען שפּייזט די לעוואַנטינישע פּאַנטאַזיע פון דער אַראַבישער וועלט. אויב אָננעמען בלויז אַ העלפט פון דעם וואָס דער "אל פאטאך" און די "פּאַלעסטינער באַפרייונגס־אָרגאַניזאַציע" האָבן אין זייערע באַרימערישע מעלדונגען פּאַרניכטעט אין ישראל אָביעקטן און אַוועקגעהרגעט זעלנער און בירגער — ווער ווייסט צי די יידישע מדינה וואָלט נאָך עקזיסטירט...

צו אונדזער גליק, זענען עס נצחונות אויפן פּאַפּיר און מויל־מלאכה פון פּרימיטיווע מנהיגים.

פּונקט ווי זייער לשון איז באָמבאַסטיש, אַזוי שטיצן זיך זייערע פּראַקטישע און פּאָליטישע מעשים בלויז און אויסשליסלעך אויף דער... באָמבע.

### מאָרד און צעשטערונג

אין די צוויי ווערטער דריקט זיך אויס דער גאַנצער אידעישער באַגאַזש פון אַלע אראבישע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס און גרופּן. ניט פּאַראַן ביי זיי קיין מעסיקע, צענטריסטישע, פּשרה׳דיקע.

אַלע זענען עקסטרעם אין זייער אַנטי־ישראלדיקער איינשטעלונג, אומאָפּהענגיק דערפון צי זיי גראַוויטירן צו קאַיר, שיקלען צו דמשק, אָדער אָריענטירן זיך אויף די פּאַרטיזאַנישע טעאָריעס פון אַ מאַאָ טסע־טונג, טשע גוואַרע, פידל קאַסטראָ און אַנדערע. יאַסיר אַראַפאַט, דער ניט לאַנג געזאַלבטער פירער פון די פאַרייניקטע טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציעס, האָט אָפן און ציניש דערקלערט, אַז די עיקר אויפגאַבע איז "אומצוברענגען מאַקסימום יידן". זיי אָנערקענען ניט דעם באַשלוס פון זיכערקייט־ראַט וועגן אַ פּאָליטישער לייזונג פונעם קריזיס אויפן נאָענטן מזרח, ווילן ניט איינגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיס מיט דער יידישער מדינה — נאָר אָפּמעקן זי פון דער מאַפּע, אירע בירגער צוריק שיקן אין די לענדער פון וואַנען זיי זענען געקומען (שוין ניט וואַרפן אין ים אַריין, ווי שוקיירי האָט זיך אויסגעדריקט פאַר יוני 1967) און די פאַרבליבענע יידן פון די אַראַבישע לענדער לאָזן זיך אויסלעבן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט...

דערווייל גייט אָן זייער צעשטערונג־אַרבעט און מאָרד־מלאכה — נאָר כדי אומצוברענגען אומשולדיקע פרויען און קינדער, אַלטע לייט און יוגנטלעכע. ניטאָ ביי די רוצחים קיין שום געוויסנסביסן, קיין שום העמונגען און וואַקלונגעןביים אונטערלייגן דעם אויפרייס־שטאָף אין עפנטלעכע ערטער און פלעצער, וווּ עס וועלן געטראָפן ווערן סתם בירגער, צווישן זיי אויך — אַראַבער.

אמת, די "אל־פאַטאַך"־לייט שיסן אויך טיילמאָל אויף מיליטערישע פּאַטרולן, אָדער מינירן וועגן, וווּ עס דאַרף דורכפאָרן אַ דזשיפּ פון צה"ל. נאָר זייער גאַנצע איינשטעלונג איז פאָרט מאָרד לשם מאָרד, טאָטאַלע פאַרניכטונג, אַ "דזשענאָסייד" כלפּי אַ פאָלק און מדינה.

ליידער, די דאָזיקע רוצחים האָבן ביי אַ טייל פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט, ביי געוויסע אָנהענגער פון דער "נייער לינקער" באַוועגונג, ביי עטלעכע פון אחינו בני ישראל, וואָס לעבן אין אַ קאָמפּלעקס צוליב זייער יידישן אָפּשטאַם — געוווּנען אָנערקענונג און באַצייכענונג ווי פרייהייט־קעמפער, ווידער־שטענדלער, אַ מין אַראַבישע "רעזיסטאַנס" קעגן ישראלדיקן אָקופּאַנט, רחמנא לצלן.

אויך מאָסקווע, וועלכע האָט בדרך כלל ניט אידענטיפיצירט זיך מיט די רוצחישע כוונות פון די אַראַבישע טעראָריסטן, איז לעצטנס אַרויס מיט אַ לשון וואָס באַרעכטיקט די פיראַטן, וואָס שיסן אויף פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַנען און רייסן אויף קינדער מיט מאַמעס. "פּראַוודאַ" פון 27.2 ה. י. האַלט דעם אַטענטאַט אויפן "אל־על"־עראָפּלאַן אין ציריך פאַר "אַן אַקציע פון פּאַטריאָטן, וועלכע פאַרטיידיקן זייער לעגיטימע רעכט זיך אומצוקערן אין פּאַטערלאַנד". אויך די "איזוועסטיאַ" פון 1.3 שרייבט, אַז "מ'דאַרף אַנער־קענען דעם געזעצלעכן און גערעכטן כאַראַקטער פונעם קאַמף פון די פּאַלעסטינער".

## טעראָר און אנטי־טעראָר

ס'איז זיך פאָרצושטעלן די רעאַקציע אין דער וועלט, ווען ישראל וואָלט אָנגעהויבן אָפּצאָלן די טעראָריסטן מידה כנגד מידה און אָנווענדן די זעלבע צי ענלעכע מיטלען און מעטאָדן פון סאַבאָטאַזש, דיווערסיע און טעראָר. ס'איז לגמרי ניט שווער פאַר אייניקע ישראלדיקע בחורים אַוועקלייגן אַ צייט־באָמבע אין דער "קאַסבאַ" אין שכם, וואַרפן אַ מינע אויפן מאַרק אין מזרח־ירושלים, אויפרייסן עטלעכע געשעפטן אין עזה, צי איבערלאָזן דינאַמיט אין אַ קינאָ אין ראַמאַללאַ. אונדזערע וואָלטן דאָס זיכער געמאַכט אויף אַ מער אינטעליגענטערן און ראַפינירטן אופן, מיט פיל דערפינדערישקייט, איינפאַלערישקייט און... עפעקטיווקייט.

מעגן מיר זיין שטאָלץ מיטן אַנטיטעראָר פון די ישראלדיקע מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע האָבן די דאָזיקע אומדאַנקבאַרע, נאָר דורכויס נייטיקע מלאכה אַרויפגעלייגט אויף די זיכערהייטלעכע, פּאָליצייאישע און באַוואָפנטע כוחות. ניט קיין פחדנותדיק באַהאַלטן זיך אונטערן שילדל פון "אומרעגולערע" צי "אונטערערדישע" כוחות — נאָר צה"ל דערלאַנגט קלעפּ דאָרט, וווּ ס'זענען די באַזעס פון די רוצחים (ווי דאָס איז געשען דעם לעצטן זונטיק פרי, מיטן באָמבאַרדירן דריי "פאַטאַך"־לאַגערן אין ירדן), אָדער רעוואַנזשירט די אַראַבישע מדינות מיטן אויפרייסן ריין

מיליטערישע אָביעקטן, צי וויכטיקע אונטערנעמונגען, ווי די טראַנספּאָרמאַטאָרס אויפן נילוס, די בריק אין ירדן, דעם ערֲאָדראָם אין ביירוט. און ביי די אַלע אקציעס, ווערט מאַקסימאַל אָפּגעהיטן די ריינקייט פון געווער, אויסצומיידן ווי ווייט־מעגלעך קרבנות צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג און פאַרהיטן, אַז אומשולדיקע בירגער זאָל ניט געשען קיין שלעכטס.

די איבער 200 טעראָריסטן פון מזרח־ירושלים, שכם און דזשענין, וועלכע אונדזערע זיכערהייטלעכע כוחות האָבן אַנטדעקט נאָכן אויפרייס אין ירושלימער "סופּערמאַרקעט" און אין בריטישן קאָנסולאַט — וועלן אויך האָבן אַן אַנשטענדיקן משפט, מיט פּאַרטיידיקער און אין די תפיסות וועט מען זיי באַהאַנדלען ווי אלע אַרעסטאַנטן אין ישראל.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאַי צו דערציילן אַ פאַקט, וואָס קלינגט אפשר ווי אַ קוריאָז, הגם ס'איז דאָך ווירקלעכקייט; עטלעכע הונדערט משפחות פון פאַרמשפּטע אין ישראל אַראַבישע טעראָריסטן געניסן פון מאַטעריעלער שטיצע פונעם מיניסטעריום פאַר סאָציאַלע שוץ, לויט די זעלבע קריטעריומס ווי עס געניסן נויטבאַדערפטיקע פאַמיליעס אויף פאַרנומענע געביטן און אין ישראל גופא. די זעלבע פרויען, וואָס האָבן אַוודאַי געהאָלפן זייערע מענער צוגרייטן דעם אויפרייסמאַטעריאַל און אויך זיכער געוווסט פון זייער פאַרברעכערישער טעטיקייט — באַקומען הילף פון אַ רעגירונג, וועלכע זיי האָבן ניט נאָר געוואָלט שטירצן, נאָר אומברענגען צוזאַמען מיט דער מדינה און אירע יידישע בירגער.

נאָך מער — אַ געכאַפּטן און געמשפטן אַראַבישן טעראָריסט אין מדינת ישראל דערוואַרט ניט קיין טויט־שטראָף. תמיד — אַנשטענדיקע געריכט־פאַרהאַנדלונגען. אַ מענטשלעכע באַהאַנדלונג אין תפיסה, די מעגלעכקייט צו קאָרעספּאָנדירן און זען זיך מיט דער משפחה. אַז מען פאַרגלייכט דעם רעזשים אין ישראל כלפי פאַרמשפטע פאַרברעכערס־טעראָריסטן אַנטקעגן דער באַהאַנדלונג פון אומשולדיקע יידן אין סיריע און איראַק, וואָס זענען דאָרט אריינגעפאַלן אין פאַליציייאישע הענט, נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען יידן — איז איבערגענוג צו אורטיילן די מאַראַל, עטיק און הומאַניזם פון ירושלים פון איין זייט, און פון דמשק און באַגדאַד — פון דער אַנדערער זייט...

### דער וועג צו אַ שלום

כדי דער גאַנצער מיטעלער און נאָענטער מזרח זאָל דערגיין צו אַ פרידלעכער לייזונג און עס זאָלן איינגעפירט ווערן נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע און גוט־שכנותדיקע באַציונגען צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער, דאַרף מען ניט זוכן קיין רעצעפּטן אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אין ענציקלאָפּעדיעס אָדער אין לערנביכער פאַר געשיכטע. גענוג בלויז צוקוקן זיך צו דעם וואָס קומט פאָר צווישן אַמעריקע און האַנאָי, צווישןביידע דיטשלאַנדס, צווישן צפון און דרום־קאָרעאַ, אָדער אינדיע און פאַקיסטאַן, כינע און יאַפּאַן, פוילן מיט דייטשלאנד— כדי איינצוזען, אַז מדינות וואָס האָבן געפירט בלוטיקע מלחמות מיט אַ פאַרנעם און קרבנות וואָס שטייגן ווייט אַריבער דעם ישראל־אַראַבישן קאַנפליקט, האָבן דאָך זיך צונויפגערעדט, געפונען דעם וועג פאַר צוזאַמענאַרבעט און פאר שטענדיקונג. די אַמאָל צעקריגטע און קעמפעריש צדדים באַמיען זיך צו פאַרגעסן די טרויעריקע פאַרגאַנגענהייט און שטרעבן צוזאַמען צו אַ דיצסערער צוקונפט. שוין־זשע דאַרף דער דאָזיקער וועג באַאָקטירט ווערן דורך קאַיר און דמשק צי גילטן ניט אויף די דאַזיקע רעגירונגען די זעלבע כללים און געזעצן, ווי אויף וואַשינגטאַן, בערלין האַנאָי און סייגאָן?

(פא"צ י"ם, דעצ. 1971)

## אַ פערטל יאָרהונדערט אזא...

מיט 25 יאָר צוריק איז געבאָרן געוואָרן די יידישע מדינה – דער צוויי־טויזנט יאָריקער טרוים פונעם יידישן פאָלק, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ דאַנק דער ציוניסטישער וויזיע, חלוצישע טאַטן, אינטערנאַציאָנאַלער אַנערקענונג און מיליטערישן נצחון. רעזומירנדיק דאָס אָפּגעלאָפענע פערטל יאָרהונדערט, מיט אירע קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פונעם

מלוכהשן לעבן, באַזונדערס דעם אויפנעם פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן עולים, אין באַדינגונגען פון אַראַבישן טעראָר און מלחמה – מעג דאָס פאָלק אין ישראל און זיין טרייער שותף אין די תפוצות, זיין דערמיט שטאָלץ און מוטיק.

## דאַטעס פון פרייד און טרויער

די דאָזיקע דאַטע פאַלט זיך צונויף מיטן 75סטן יאָרטאָג נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס; פּתח־תקווה ווערט אַלט 95 יאָר; ראש־פּינה איז דערגאַנגען צו די 90; נס־ציונה, יסוד המעלה און יבניאל האַלטן שוין אויך ביי די 75. און אַ ריי יינגערע פון זיי קיבוצים צייכענען אָפּ די 25, 30 צי 40 יאָר פון אַרויפגיין אויפן באָדן אין דער תקופה פון "די מדינה אונטערוועגנס".

פאַראַן אויך סימבאָלישעס אינעם פאַקט, וואָס די אַנטשטייונג פון דער מדינה און איר איצטיקער האַלבער יובל פאַלן זיך צונויף, קאַלענדאַריש, מיטן יום־טוב פּסח, דעם חג החרות, און מיטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע. די מרידה אין וואַרשעווער געטאָ מיט דרייסיק יאָר צוריק אין דאָך געווען איינער פון די שטאַרקסטע אויסדרוקן צו זיין בני חורין פונעם עבדים היינו ביי היטלערן; פינף יאָר נאָך יענעם טראַגיש־העראָישן 19טן אַפּריל, האָבן מיר זוכה געווען די פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה און היינט, נאָך דרייסיק יאָר, פרייען מיר זיך מיט איר האַלבן יובל.

און וועלכעס פאָלק אין דער וועלט האָט זיך נאָך אַזוי ערלעך פאַרדינט די פרייד פון מלוכהשער זעלבשטענדיקייט, ווי מיר? איז דאָך אונדזער געשיכטע תמיד געווען אַזוי רייך מיט רדיפות, נגישות, אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען, געטאָס, געלע לאַטעס, דיסקרימינאַציעס, עלילות־דם. נאָר דאָס וואָס איז פאָרגעקומען מיט די יידן אין דער אָקופּירטער אייראָפּע אין די יאָרן 1939 – 1945 האָט ניט געהאַט זיינס גלייכן אין דער גאַנצער יידישער מאַרטיראָלאָגיע. די דייטשע רוצחים האָבן דעם אומברענג פון אונדזער פאָלק באַטראַכט ווי זייערס אַ נאַציאָנאַלע און מלוכהשע אויפגאַבע און דעם דאָזיקן טויט־אורטייל אַדורכגעפירט מיט דער גרעסטער אכזריות, מיט די ראַפינירטסטע מעטאָדן, נייעסטער טעכניק און ריקזיכטלאָזער קאָנסעקווענטקייט. און די וועלט האָט געשוויגן! ערשט נאָכן אומקום פון זעקס מיליאָן יידן, האָט ביי אייניקע פעלקער און פּאָליטיקערס זיך דערוועקט דאָס געוויסן. דעם 29סטן נאָוועמבער 1947 האָבן זיי באַוויליקט צו אַנערקענען די רעכט פון יידישן פאָלק אויף זעלבשטענדיקייט אין אַ צעטיילטער ארץ־ישראל. אָבער אויך דעם דאָזיקן גנאָד האָבן די אַראַבישע שכנים ניט געוואָלט אַנערקענען און אויפגעצוווּנגען אויף אונדז אַ מלחמה.

נאָר מיר האָבן זוכה געווען. ישראל איז אַ פאַקט אויפן נאָענטן מזרח, זי איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער פעלקער־משפּחה, און פאַר אַלעמען – טיף־טיף אַריינגעדרינגען אינעם האַרץ פון גאַנצן יידישן פאָלק.

מיר געדענקען גוט יענעם היסטאָרישן טאָג פון 14טן מאַי 1948. די ספּאָנטאַנע פרייד און באַגייסטערונג וואָס האָט באַהערשט דעם ישוב, די דערהויבענע און רירנדיקע "לחיימס", וועלכע מען האָט געטרונקען אין ניו־יאָרק, מאָסקווע, לאָנדאָן, פּאַריז און וואַרשע. די התלהבותדיקע דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען אין ירושלים, תל־אביב, חיפה און אין די אייראָפּעישע און אַמעריקאַנער שטעט. די לאָזונג "איין פאָלק – איין לאַנד" האָט יענעם טאָג באַקומען זיין פולן אויסדרוק און באַטייט. יידן אין די תפוצות האָבן מיטן געדאַנק און מיט מעשים פולשטענדיק זיך אידענטיפיצירט מיט דער אַנטשטאַנענער מדינה און פאַר די 25 יאָר טריי און ערלעך זי באַגלייט אין אירע ראַנגלענישן און דערגרייכונגען.

ווען דער שונא איז נאָך געשטאַנען ביי די טויערן און געפירט זיין מלחמה מיט דער קליינער, אומבאַוואָפנטער און שלעכט אויסגעשולטער אַרמיי פון ישראל, כדי אומברענגען די מדינה ווען זי איז נאָך געווען אין די וויקעלעך – האָט שוין גענומען שטראָמען אַ מאַסן־עליה פון דער חרובער

אייראָפּע. אַ דערשלאָגענע, הונגעריקע און פאַראָרעמטע שארית הפליטה האָט גלייך פון אוישוויץ און מיידאַנעק, פון די געטאָס און וועלדער, געזוכט די היים אינעם אויסגעבענקטן לאַנד. דער ישוב האָט נאָר־וואָס געהאַט זיך באַפרייט פון דער פרעמדער, בריטישער מאַכט און באַזאַמען מיט די עולים גענומען פאַרטיידיקן און איינשטעלן די מדינה.

נאָר ממשותדיק אויסגעטראָגן דעם עול און די אחריות פאַר דעם אַנטוויקלונג פונעם לאַנד – האָבן די יידן אין ישראל. דעם טאָג־טעגלעכן פאַרמעסט מיט די האַרבע פּראָבלעמען האָט באַדאַרפט אַדורכפירן דער ישוב גופא – און ער האָט מיט כבוד און אחריות אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

## ביישפּיללאָזע דערגרייכונגען און אויפטוען

די ערשטע 25 יאָר מדינת ישראל וועלן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק פאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות פון אומאויפהערלעכן געראַנגל, אויפטוען און דערגרייכונגען. נעמט בלויז אַזאַ ציפער ווי די 650 טויזנט יידן אין ארץ־ישראל פאַרן 14.5.1948, ביז דריי און אַ האַלבן מיליאָן היינט־צו־טאָג – און מיר זעען באַשיינפּערלעך ווי עס ווערט רעאַליזירט דעם טרוים פון שיבת־ציון און פון קיבוץ גלויות. אין דער מדינה געפינען זיך היינט אַרום 20% פונעם יידישן פאָלק, אַנטקעגן 3% מיט 25 יאָר צוריק.

עקאָנאָמיש האָט ישראל דערגרייכט אַן אויפשטייג, ווי די הויך־אַנטוויקלטע לענדער. מיר געדענקען גוט די "צנע"־יאָרן אין 1948 – 1951 און דעם "מיתון" אין 1966/67 – בעת איצט פעלן אויס אַרבעט־הענט און פון 50 ביז 60 טויזנט אַראַבער פון די געביטן זענען באַשעפטיקט אין ישראל גופא. די הונדערטער געצעלטן און באַראַקן פון האָלץ און בלעך אין די מעברות מיט אַ 15 – 20 יאָר צוריק זענען פאַרשוווּנדן פון דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט און פאַרביטן געוואָרן מיט 3 און 4־צימערדיקע מאָדערנע וווינונגען וועלכע עס באַקומען נייע עולים פון רוסלאַנד, פּערסיע, צי אַמעריקע. די אינטענסיווע הייזער־בויונג, דער עקספּאָרט, די אויסגעוואַקסענע אינדוסטריע וועלכע שטאָלצירט מיט אַן אייגענער מיליטערישער פאַבריקאַציע פון אַ הויכער מדרגה; די מאָדערנע לאַנדווירטשאַפט וואָס באַזאָרגט אויך אייניקע לענדער אין אייראָפּע און אמעריקע מיט אירע פּראָדוקטן און שטעלט צו 80% פרישע שפּייז פאַר אייגענעם אויסקום; די רעגולערע לופט־און ים־קאָמוניקאַציע מיט דער גרויסער וועלט און אין לאַנד גופא; די טוריסטיק־באַוועגונג; די אָבליגאַטאָרישע, אומזיסטיקע בילדונג אין די פאָלקס־שולן און טיילווייז אומזיסטיקע בילדונג אין די מיטל־און הויכשולן.

אין אַזאַ לאַנד ווי ישראל, וואָס איז אָרעם אין נאַטירלעכע אוצרות, מינעראַלן און ברענשטאָף, זענען דאָך פאָרגעקומען ממש רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אינעם לעבנס־סטאַנדאַרט און קולטור־ניוואָ פון דער באַפעלקערונג, אינעם געזונטהייט־צושטאַנד, פאַרקלענערטע קינדער־שטערבלעכקייט, אויסגעברייטערטע סאָציאַלע באַדינונגען וואָס העלפן אין אַ גרויסער מאָס גובר זיין די אָרעמקייט, וועלכע איז אין גרעסטן טייל "אימפּאָרטירט" געוואָרן, צוזאַמען מיט די עולים פון די נויט־לענדער.

ישראל געהערט צו די געציילטע לענדער, ווו אין אַ סך פאַבריקן און אונטערנעמונגען זענען די אַרבעטער שותפים אין דער לייטונג, אַדמיניסטראַציע און אויך – צו די רווחים. לאָמיר דערביי ניט פאַרגעסן דעם קיבוץ, די אָריגינעלע, פּראַכטפולע ישראלדיקע יצירה, וואָס האָט ניט קיין ביישפּיל אין וועלכן ס׳איז לאַנד.

## דעמאָקראַטיע פאַר זיך און אויך פאַר אנדערע

די אַלע דערגרייכונגען אין משך פון 25 יאָר זענען ניט געקומען אין רעזולטאַט פון צוואַנג, דיקטאַטור, באַפעלן פון אויבן. דאָמינירט האָט תמיד דער דעמאָקראַטישער רעזשים, דער ליבעראַלער גייסט. די כנסת, פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע זענען אָפן פאַר קריטיק, מ׳האָט

קיינעמען ניט געשטערט אָנצוּווייזן אויף פעלערן און פאַרלעצונגען פונעם געזעץ און פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, וועלכע זענען געפלעגט און איינגעהאַלטן געוואָרן אפילו אין באַדינגונגען פון מלחמה און טעראָר.

מדינת ישראל ווייסט אויך ניט פון פּאָליטישע קנוניהס און אינטריגעס, פון מיליטערישע פּוטשן און איבערקערענישן מיט וועלכע ס׳איז רייך אונדזער ראַיאָן, אָדער די לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע. פאַראַן אומגעשטערטע פרייהייט פון וואָרט, פּרעסע, פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציע און פּראָטעסטן. אויב צו דעם צוגעבן דאָס אַריינפלעכטן אַלץ מערער און מערער די אַראַבישע מינדערהייט אינעם מלוכשהן לעבן; אַז די צאָל אַראַבישע סטודענטן אין די הויכשולן גרייכט די טויזנטער; אַז דריי אַראַבער באַזיצן די פּאָרטפעלן פון וויצע־מיניסטאָרן און אַז ס׳איז שוין אַ לאַנגע צייט אָפּגעשאַפט געוואָרן די מיליטערישע פאַרוואַלטונג — הייסט עס, אַז די דעמאָקראַטיע שפּאַרט אויך אָן ביי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, הגם דער ראַיאָן איז נאָך גאַנץ ווייט פון אַ שלום.

געגוג צו כאַפּן אַ בליק אויף דער פירונג פון דער ישראלדיקער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע אין די פאַרנומענע געביטן. די זעקס יאָר נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָבן באַוויזן, אַז אפילו אין אַן אָקופּאַציע־רעזשים צו וועלכן די אָרטיקע באַפעלקערונג באַציט זיך ניט מיט צופיל סימפּאַטיע, איז דאָך מעגלעך צו שאַפן אַן אַטמאָספער פון באַרויִקונג, סטאַביליזאַציע און צוזאַמענאַרבעט. די ״אָפענע בריקן״ וועלכע דערמעגלעכן אַ פרייען סחורות־אויסטויש און פאַרקער מיט ירדן (און דורך איר — מיט אַנדערע אַראַבישע מדינות), ווי די זומער־באַזוכן פון צענדליקער טויזנטער אַראַבער פון פיינדלעכע לענדער ביי זייערע קרובים אין די פאַרנומענע געביטן, זענען דער בעסטער עדות פון אַ ליבעראַלער און מעסיקער פּאָליטיק, וואָס ווערט אַגב אָנגעווענדעט אויך לגבי אונדזערע בלוט־שונאים — די טעראָריסטן. קיינער פון זיי, אפילו די ווען דער באַשולדיקונג־אַקט האָט פאַרגעוואָרפן גרויזאַמע רציחות (אגב — מערער איבער זייערע ברידער ווי איבער ישראלים), איז נאָך ניט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. למען האמת, האָט מען 2 – 3 מאָל יאָ אָנגעווענדעט אַזאַ אורטייל — אָבער אים ניט אויסגעפירט. יעדער אַראַבישער טעראָריסט האָט אַן אָנשטענדיק געריכט, אַ רעכט צו פאַרטיידיקן זיך און מענטשלעכע באַדינגונגען ביים אויסזיצן אין תפיסה דעם אורטייל. מיר וואָלטן זיך נאָר געמעגט ווינטשן, אַז צו די יידן אין די אַראַבישע לענדער, ספּעציעל אין סיריע און אין איראַק, וועמען מען האָט נישט פאָרצוּוואַרפן קיין שום פאַרברעכנס קעגן דער מדינה, זאָל מען זיך אַזוי באַציען און זיי באַהאַנדלען, ווי מיר טוען דאָס לגבי די וואָס ווערן געכאַפּט מיט געווער אין האַנט.

פאַרגעסט ניט, אַזאַ אַזאַ פּאָליטיק לגבי די ״פאַטאַך״־לייט ווערט אָנגעווענדעט כלפּי די וואָס ווילן לייזן דעם קאָנפליקט אין ראַיאָן מיט כוח, שנאה, טעראָר, סאַבאָטאַזש און מלחמה; די וואָס זענען אפילו קעגן דעם באַרימטן באַשלוס 242 פון זיכערקייט־ראַט, אפילו לויטן מצרישן אויסטייטש און זענען פּרינציפּיעל קעגן וועלכער ס׳איז פרידלעכער לייזונג. און אַז מען הערט שוין אַמאָל אין אַ יובל אַ גוט וואָרט פון מלך חוסיין — שטעלט זיך גלייך די פראַגע: צי רעדט ער טאַקע אין נאָמען פון די פּאַלעסטינעזער, אָדער איז גאָר זייער וואָרטזאָגער — יאַסער אַראַפאַט?

## די'אראבער האָבן אונדז געהאָלפן ווערן שטארק...

פון דער צוּוייטער זייט האָט די אַראַבישע שנאה און בלאָקאַדע שטאַרק אַנטוויקלט אין ישראל דאָס געפיל פאַר זעלבסט־פאַרטיידיקונג, זעלבסט־דערהאַלטונג און זעלבסט־אויסקום, צו שאַפן זיך אַליין יענע מיטלען, וועלכע מען לאָזט נישט באַקומען. זייער באָיקאָט און איזאָלירונג־פּרוּוון האָבן געשטויסן ישראל צו מער איניציאַטיוו און דערפינדערישקייט אויף אַ סך געביטן, באַזונדערס בנוגע באַוואָפענונג. היינט מעגן מיר באמת שטאָלצירן מיט דער הויך־אַנטוויקלטער עלעקטראָניק־פּראָדוקציע, וואָס איז אויך געוואָרן אַ וויכטיק עקספּאָרט־אַרטיקל, מיט אונדזערע

ראַקעטן לופט־לופט, מיט דער אייגענער עראָפּלאַנען־אינדוסטריע, מיט טאָרפּעדאָ־שיפּן באַוואָפנטע מיט ים־ים ראַקעטעס און טעלעוויזיע־אַמוניציע־דעטאַלן – תוצרת ישראל. אַזאַ האָט געמוזט זיין דער ענטפער די וואָס ווילן אונדז פאַרלענדן – און די דאָזיקע תשובה האָט אויך אַנטפּלעקט די אומגעהויערע אוצרות פון וויסן, טעכנאָלאָגיע, ענערגיע און לעבנסווילן פון דער יונגער מדינה.

אין אַלע פון איר עקזיסטענץ, האָט ישראל באַדאַרפט קעמפן פאַר איר עצם קיום. דאָס האָבן באַוויזן די דריי אויפגעצוווּנגענע מלחמות אין 1948, 1956 און 1967 און דער אומאויפהערלעכער טעראָר פון דעם מופטיס אָנהענגערס, קאַוקאַדזשיס כנופיהס, די פעדאַיונס, "אַל־פאַטאַך" און "שוואַרצער סעפּטעמבער". אַזאַ לאַגע האָט געמוזט ביי אונדז אַנטוויקלען דעם א. ג. זיכערהייטלעכן באַוווסטזיין און שטענדיקע וואַכזאַמקייט צו קוקן די שכנים אויף די הענט. צה"ל איז געשטעלט געוואָרן בראש פון ישראלס זאָרג און אין דעם שטח האָט מען אינוועסטירט אַ סך מחשבה, ענערגיע, געלט און רעסורסן, וואָס ביי פרידלעכע באַדינגונגען, וואָלטן זיי געקענט פאַרווענדעט ווערן אויף גאָר אַנדערע קאָנסטרוקטיווע צוועקן.

פונדעסטוועגן זענען מיר נאָך זייער ווייט פון צו זיין אַ מיליטאַריסטישע מדינה, ווי דאָס וואַרפן פאָר פעקין און מאָסקווע, דער "נייער לינקס" אין אייראָפּע און אַמעריקע, דמשק און קאַיר און די נעאָנאַציס אין ביידע דייטשלאַנדס.

## פאַראַן אויך שאָטן־זייטן

אַ יובל־דאַטע, אפילו די סאַמע פריידיקסטע – 25 יאָר מדינת ישראל, וועט אָן שום ספק פאַרפולן יעדעס יידיש האַרץ מיט גרויס שמחה – באַפרייט אונדז ניט פון אָנווייזן אויך אויף געוויסע שאָטן־זייטן און נעגאַטיווע דערשיינונגען, בעסער געזאָגט – נאָך ניט־געלייזטע פּראָבלעמען. אַוודאי זענען פאַראַן דערצו אָביעקטיווע סיבות, ווי צ. ב. דער בלויזער פאַקט, אַז העכער 40% פונעם מלוכהשן בודזשעט איז באַשטימט אויף פאַרטיידיקונג. ס׳איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן ווי די דאָזיקע מיליאַרדן וואָלט געקענט לינדערן די נויט ניט נאָר ביי אונדז, נאָר אויך אַנטלאַסטן מצרים, ירדן, ליביע, אַלזשיריע, סיריע, לבנון, וועמענס בירגער זינקען אין אַ פּיל־פּיל גרעסערער אָרעמקייט, אַנאַלפאַבעטיזם, קראַנקייטן און צוריקגעשטאַנענקייט ווי אין ישראל. נאָר כל זמן פאַרן צד שכנגד איז בילכער אַ טאַנק איידער אַ שול, און אַ "מיג"־עראָפּלאַן אַנשטאָט אַ שפּיטאָל – מוזן אויך מיר אָפּהיטן אַ שטרענג סעלעקטיווע פאַרטיילונג פון די געלט־מיטלען.

דערווייל לעבן מיר נאָך אַלץ אין אַ צושטאַנד פון ניט שלום און ניט מלחמה, הגם די לעצטע ווערט זייער אָפט אַנאָנסירט פון די אַראַבישע הויפּשטעט. און כל זמן אַזאַ איז די לאַגע, וועט ווייטער שוועבן אין אונדזער חלל די פראַגע: ווי אַזוי לינדערן די נויט ביי יענע שיכטן וואָס וווינען נאָך אין ענגשאַפט און זייערע קינדער דאַרפן גיין אַרבעטן, אַנשטאָט זיצן אויף דער שול־באַנק? ווי אַזוי פאַרמיידן, אָדער כאָטש רעדוצירן צו אַ מינימום די פאַרברעכערישקייט ביי דער יוגנט און בכלל? ווי פאַרגרעסערט מען די צאָל שילערס פון די אָפּשטאַמיקע פון אַזיע און אַפריקע אין די מיטלשולן און הויכשולן? (ביי דער געלעגנהייט – אייניקע ציפערן: 67% קינדער פון די מזרח־עדהס הייבן אָן לערנען אין ערשטן קלאַס פאָלקסשול; אין ערשטן קלאַס מיטלשול איז זייער פּראָצענט שוין 36,5%, אין אוניווערסיטעט בילדן זיי 12% פון די סטודענטן־אָנפאַנגער און בלויז 5% פאַרענדיקן פון דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן). אויף וועלכע אופנים דערמעגלעכן יונגע פּאָרלעך צו דערשלאָגן זיך צו אַן אייגענער דירה אויף באַקוועמע באַדינגונגען? ווי אַזוי אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פון אַנטלויפן פון פיזישער אַרבעט און מלאכה מצד דער יידישער באַפעלקערונג? ווי אַזוי פאַרווירקלעכן דעם מיזוג גלויות, פאַרוואַנדלען אין איין פאָלק די פאַרשידענע יידישע שבטים וואָס זענען געקומען אַהער פון אַ הונדערט לענדער, מיט באַזונדערע קולטורן, שפּראַכן, טראַדיציעס און געוווינהייטן? ווי אַזוי איינשטעלן אַ פרידלעכע קאָ־עקזיסטענץ צווישן דעם רעליגיעזן און

וועלטלעכן טייל? ווי אזוי צוימען די באַרייכערונג־אַפּעטיטן ביי געוויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג?

אין די לעצטע יאָרן אינוועסטירט די רעגירונג ריזיקע סומען פאַר סאָציאַלע צוועקן. פון יאָר 1960 זענען זיי פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 12 מאָל, בעת די נאַציאָנאַלע הכנסה איז געשטיגן בלויז 7 מאָל. די לימודים פון קינדער פון אָרעמע היימען ווערן סובסידירט פון דער רעגירונג, באַפרייטע זעלנערס באַקומען וויטגייענדיקע הילף, אין די נאָענטסטע 5 יאָר זאָלן לגמרי ליקווידירט ווערן די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן און יונגע פּאָרלעך קומט איצט אָן אַ סך גרינגער זיך איינצושאַפן אַ וווינונג. די סאָציאַלע שפּאַנונג אין מדינת ישראל האָט אַ ברירה צו ווערן שוואַכער, אויב די רעג־רונג וועט קאָנסעקוועט רעאַליזירן די אַלע פּראָיעקטן און אויפגאַבן וועלכע זי האָט גענומען אויף זיך.

**דאָס אוממעגלעכע איז טיילמאָל יאָ מעגלעך**

אין אַפּריל 1947, ווען די ענגלישע רעגירונג האָט באַשלאָסן אָוועקצושטעלן דאָס ארץ־ישראל פּראָבלעם אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער אונ"אָ פּול־פאַרזאַמלונג, האָט הערבאָלד בילי, בעווינס ראַט־געבער, געפרעגט די ישראל־דעלעגאַציע: "וואָס האָט איר צו דערוואַרטן פון דער אונ"אָ? אַ פּאָזיטיווער באַשלוס נייטיקט זיך אין אַ מערהייט פון 2/3 שטימען און דאָס קאָן פּאַסירן נאָר אין פּאַל, אַז דער מזרח־בלאָק וועט גיין צוזאַמען מיט אַמעריקע — אָבער אַזעלכעס איז נאָך ניט געשען און וועט קיינמאָל ניט געשען"...

נאָך 8 חדשים שפּאַנונג, ציטער, זאָרג און דערוואַרטונג, איז פּאָרט געשען, אַז אַנדריי גראָמיקאָ האָט געהאַלטן זיין באַרימטע פּראָ־ציוניסטישע רעדע און דעם 29סטן נאָוועמבער 1947 איז מיט אַ מערהייט פון 33 שטימען קעגן 13, ביי 10 אָפּגעהאַלטענע, אָנגענומען געוואָרן דער היסטאָרישער באַשלוס וועגן אויפשטעלן אַ יידישע מדינה אינעם צעטיילטן ארץ־ישראל. דער מזרח מיטן מערב האָבן זיך יאָ צונויפגערעדט, און גראָד פאַר אַ גינסטיקער לייזונג. מאָסקווע האָט געהאַלטן מיט ישראל, אָבער ניט דערלויבט קיין איין יידן אירן עולה צו זיין. היינט איז דער קרעמל אַנטי־ישראלדיק, גראָמיקאָ שיט פּעך און שוועבל אויף אונדזער לאַנד — און בלויז אין יאָר 1972 האָבן מיר געהאַט פון ראַטנפאַרבאַנד אַ 32 טויזנט עולים...

און וויפל איבערראַשונגען קומען פאָר אין דער אַראַבישער וועלט?

מיר ברענגען דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס דאָס אָפּגעלאָפענע פערטל יאָרהונדערט האָט סיי אויפן אינערלעכן פראָנט, ווי אויך אויסערלעך, געברענגט אַ סך ענדערונגען און אומוואַנדלונגען, וועלכע האָבן פריער אויסגעזען אוממעגלעך, ממש אומנאַטירלעך. די דערפאַרונג האָט אָבער געלערנט, אַז אין דער פּאָליטיק זענען תמיד פאַראַן פאַרשידענע אָפּציעס, אויך צום גוטן.

לאָמיר האָפן, אַז דער צווייטער האַלבער יובל פון דער יידישער מדינה וועט שטיין אונטערן צייכן פון ווייטער איינזאַמלען יידן פון דער גאַנצער וועלט, פון שטאַרקן און פעסטיקן די מדינה און אַז מיר וועלן זוכה זיין דעם געגאַרטן שלום.

(פא"צ י־ם, אפריל־מאי 73'; י"ש ת"א, 13.7.73).

# לבנון — די לעקציע און ביישפּיל

1

לבנון, דער צפונדיקער שכן פון ישראל, איז במשך די לעצטע 10 חדשים געווען אַן ארענע פון בלוטיקע געשעענישן, וועלכע מ'האָט באַצייכנט מיט פאַרשידענע נעמען, ווי: בירגער־קריג, אויסערלעכע אינטערווענץ, רעליגיעזע מחלוקת, נאַציאָנאַלער קאָנפליקט, סאָציאַלער אויפברויז

און אפילו — פּערזענלעכער קאַמף. עס אונטערליגט אָבער נישט קיין ספק, אַז די דאָזיקע מלחמה האָט אין זיך אנטהאַלטן די אַלע עלעמענטן, מיט נאָך צוגאָבן. דער רעזולטאַט: איבער צען טויזנט דערהרגעטע, אַ צוויי אָדער דריי מאָל אזוי פיל פאַרוונדעטע, צענדליקער טויזנטער פּליטים, הונדערטער צעשטערטע, פאַרברענטע און צעראַבירטע הייזער, געשעפטן, פאַבריקן און וואַרשטאַטן.

אויסער די מענטשלעכע און מאַטעריעלע פאַרלוסטן, האָט לבנון אויך פאַרלוירן אַ שטיק פון איר פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט. די איינגעשטעלטע גלייכגעוויכט צווישן דער קריסטלעכער און מאַכמעדאַנישער באַפעלקערונג אין משך פון 40 יאָר — איז צעטרייסלט געוואָרן ביזן גרונט, ביירוט איז היינט נישט ווייניקער אָפּהענגיק פונעם חסד פון סיריעס פּרעזידענט אסאַד און דעם סופער־רוצח אראַפאַט, ווי פון איר אייגענער רעגירונג.

דעריבער איז פון שטאַנדפּונקט פון מדינת ישראל לעגיטים און זעלבפאַרשטענדלעך די פראַגע: וועלכן מוסר השכל דאַרפן מיר זיך אראָפּנעמען פון דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען ביי אונדזער שכן?

2

מיט דער צאָל איינוווינערס, ווי אויך אין א געוויסער מאָס מיטן רעזשים, איז לבנון ענלעך צו ישראל. איר באַפעלקערונג ציילט צוויי מיט א האַלבן מיליאָן און אויך געהאַט אַ נישט שלעכטן נאָמען פון אַ ליבעראַלער רעפּובליק אין אַ ראַיאָן מיט טאָטאַליטאַרע, פּסעוודאָ־פּאַרלאַמענטאַרישע רעזשימען. די פּאָליטישע סטרוקטור האָט זיך געשטיצט אויף א רעליגיעזער גלייכגעוויכט, וועלכע מ'האָט איינגעשטעלט נאָך דער פאָלקס ציילונג אין יאָר 1932: 53.7% קריסטלעכע עדהס און 45,3% מוסולמענער. לויט דער פּאַרטיילונג, איז פּרעזידיענט פון דער מדינה תמיד געווען אַן אָנהענגער פון ישו הנוצרי, דער פּרעמיער — אַ מוסולמענער־סוני און פּאַרלאַמענט־פּאָרזיצער — אַ מאַכמעדאַנער־שיאי.

נאָך אין יאָר 1953 האָט לבנון, די ערשטע און איינציקע פון די אַראַבישע לענדער, געגעבן וואַל־רעכט די פרויען. ביירוט האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט אַ פאַרהעלטנישמעסיק רייכער פּרעסע מיט פאַרשידענע טענדענצן און מיינונגען.

נישט געקוקט אויף דער רעליגיעזער און עטנישער צעשפּליטערונג סיי ביי די קריסטן (מאַראָניטן, גריכן — אָרטאָדאָקסן, גריכן — קאַטאָליקן, ארמענער־אָרטאָדאָקסן, פּראָטעסטאַנטן, סירישע קריסטן אאז"ו), סיי ביי די מאַכמעדאַנער (סונער, שיאים, דרוזן און נאָך סעקטעס), איז דאָס דאָזיקע לאַנד אָנגעגאַנגען ווי א רואיק, סאָליד אָרט פאַר טוריסטיק, האַנדל, פאַרוויילונג און אָפּרו און איז באַצייכנט געוואָרן ווי "די שווייץ פון נאָענטן מזרח".

3

זייער אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן נאָך סעפּטעמבער 1970, ווען די אין ירדן צעקלאַפּטע רעשטלעך פון די פּאַלעסטינעזישע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס האָבן גענומען זוכן אַ מקום מקלט אין לבנון. הגם די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט דעם ארייננדרינג פון די טעראָר־כנופיות, איז אָבער דער דרוק פון די מוסולמענער און אַנדערע מדינות געווען אזוי שטאַרק, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט איז דאָס לאַנד פון די צעדערביימער פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם הויפּט־צענטער פונעם אגרעסיון, רוצחישן, אַנטי־ישראלדיקן טעראָר.

אין ביירוט און אין די אַרומיקע פּליטים־לאַגערן, אין א ריי דערפער און ישובים, און באַזונדערס אין דרום־לבנון, וועלכע איז אפילו געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען "פאַטאַך־לאַנד", האָבן גענומען פונקציאָנירן הויפּט־שטאַבן, אמטן און אינסטיטוציעס סיי פון די עקסטרעמע אָרגאַניזאַציעס פון כאַוואַטמאַ, דזשאַבריל און כאַבאַש, און סיי פון דער "מעסיקער" פּ.ל.אָ., בראש מיט יאַסער אראַפאַט. די אַמאָל רואיקע גרענעץ־ליניע מיט ישראל איז פאַרוואַנדלט

געוואָרן אין דער כמעט איינציקער באַזע פאר מערדערישע איבערפאלן אויף פרידלעכע ישובים, ווי: מעלות, קרית־שמונה, נהריה, שמיר, אביבים, יובל און אנדערע. פארשטייט זיך, אז ישראל האָט נישט געטאָרט פארשווייגן און דולדן דאָס מאָרדן פרויען, קינדער און מענער און געענטפערט מיט רעוואנזש, ווי די אקציע אויפן ערָאפּאָרט אין ביירוט אין יאָר 1968, די איבערפאלן אויף די טעראָריסטן־שטאַבן אין דער הויפּט־שטאָט פון לבנון, די באָמבאַרדירונגען פון דער לופט און ים, ווי אויך קאָמאַנדאָ־אטאקעס אויף די נעסטן פון די מערדערס, ארייננגערעכנט אָפטע פאטרולן אויף געוויסע שטחים אין לבנון. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט פארמינערט דעם אומווילן צי אומבאהאָלפנקייט פון דער לבנונער ארמיי און אירע פּאָליטישע מנהיגים אָפּצושטעלן דעם וווקס פון די טעראָר־אָרגאניזאציעס, וואָס האָבן דאָרט געוועלטיקט מיט אן אייגענער מיליץ, געריכטן, קאָנטראָל־פונקטן אויף די וועגן און אבסאָלוטע הערשאפט אין די פּליטים־לאגערן.

די דאָזיקע אומגעבעטענע געסט האָבן אויף אַן אומדאנקבארן אופן אויסגענוצט די הכנסת־אורחים און געגנוי ווי אין ירדן מיט 5 יאָר צוריק, איז דער טעראָריסטישער גולם אויפגעשטאַנען קעגן זיין באשאפער. נישט מער, דער פרעזידענט פעראנדזשיא האָט נישט פאָרט פארמאָגט די פולמאכטן, כוח און אנטשלאָסנקייט ווי דער מלך כוסיין. דערפאר צאָלט איצט לבנון דעם פרייז.

4

אויב דער לעצטער פייער־איבעררייס וועט האָבן אריכת־ימים, איז לבנון אין יאָר 1976 גאָר אַן אנדערע ווי ביז איצט. דאָס איז צו פארדאנקען איר "פריינדלעכן" שכן, וועלכער שטרעבט שוין פון לאנג צו פארווירקלעכן דעם טרוים פון אויפשטעלן א גרויס־סיריע, וואָס קען דערגרייכט ווערן מיטן אנעקסירן לבנון. ביי דער געלעגנהייט וועט אויך דערגרייכט ווערן דער וויכטיקסטער ציל: פארלענגערן אויף צענדליקער קילאָמעטער די גרענעץ פון פארמעסט מיט דער יידישער מדינה, "אויסציען" דעם אנטי־ישראלדיקן פראָנט פון טריפּאָלי אין צפון, אויפן מיטללענדישן ים — ביז אקאבא אין דרום, אויפן ים־סוף, אין פאל ווען אויך ירדן וועט זיך פארגלוסטן צושטיין צום פארמעסט.

אין ישראל האָט מען געשמועסט, אַז לבנון וועט זיין די צווייטע מדינה אויף צו חתמנען מיט אונדז אַ שלום־אָפּמאַך, ווייל אויף צו מאַכן דעם אָנהייב, פארמאָגט זי נישט גענוג כוח. אָבער נאָך די לעצטע אנטוויקלונגען דאָרט, איז א גרויסער ספק, צי זי וועט טאַקע זיין דער צווייטער קאנדידאט אויף צו וועלן רעגולירן מיט ישראל אירע באציונגען. ווייל די דעמאָגראַפישע און פּאָליטישע ענדערונגען, ווי זיי זענען געקומען צום אויסדרוק אינעם לעצטן (34־סטן!) פייער־איבעררייס צווישן די קעמפנדיקע צדדים, דער איבערגעוויכט פון די מאכמעדאנער איבער די קריסטן און די סיריש־פּאַלעסטינעזישע ארייננדרינגונג — קוואליפיצירן גיכער לבנון צו די פארמעסט־מדינות וואָס גרענעצן מיט ישראל: מצרים, סיריע און ירדן.

אָן שום ספק, אז דער "לבנונער סצענאריאָ" איז צוגעגרייט געוואָרן פון סיריע, ביי דער אקטיווער מיטהילף פון ליביע, אלזשיריע און איראק. א געשטאַרקטע פּאָזיציע פון דמשק אין איינער פון די אראבישע מדינות, הייבט דעם פרעסטיזש פונעם עקסטרעמען אסאד און שוואכט גלייכצייטיק אָפּ די פירנדיקע ראָל פונעם "קאַפּיטולאנטישן" סאדאט. נאָר ווי עס געשעט אין דער איצטיקער צינישער וועלט, איז גראָד די פארכאפּערישע סיריע און די הויפּט־ אינספיראַטארין פונעם בירגער־קריג אין לבנון, דערשינען ווי דער מלאך הגואל אויף צו באַרואיקן דאָרט די געמיטער, אָפּשטעלן די בלוט־פארגיסונג און אויך אָפּהיטן די טעריטאָריאלע גאנצקייט און פּאָליטישע סוווערניטעט. דמשק איז געוואָרן דער הויפּט־ שדכן צווישן די קעמפנדיקע צדדים און דער עיקרדיקער משגיח איבערן פייער־איבעררייס, באַזאַמען מיט די פּאַלעסטינעזער טעראָריסטן.

דער סירישער קאַץ האָט מען אָנפארטרויט אָפּצוהיטן די לבנונער סמעטענע...

5

ס'איז נישט קיין סוד, אז ווען נאָך אַ 10־חדשימדיקער שלאַכט, האָט קיין איינער פון די צדדים נישט אָפּגעהאלטן קיין דעצידירנדיקן נצחון און ס'האָט זיך גראָד אַנטפּלעקט א געוויסער

איבערגעוויכט פון די אָנהענגערס פונעם נייעם טעסטאַמענט איבער די חסידים פון קאָראַן, איז קיין לבנון אריינגעדרינגען אַן אינטערווענץ־כוח צו הילף די קעמפנדיקע מאַכמעדאַנער — באַוואָפנטע, אויסגעשולטע און אויף סירישער ערד אויסגעשטאַטע פּאַלעסטינעזער, אונטערגעאָרדנטע אסאדן. אויך אין סעפּטעמבער 1970 האָט אסאד געוואָלט טאָן דאָס זעלבע מיט ירדן, נאָר מיטן רעגולערן מיליטער זיינעם און טאַנקען. אָבער די אנטשלאָסנקייט פון די פּאר. שטאַטן און די קאַטעגאָרישע דערקלערונג פון ישראל אז אויך זי וועט אינטערווענירן, האָבן בשעתו גורם געווען צו אַ ריקצוג פון סיריע.

נאָר אין יאנואר 1976 האָט עס דמשק געמאכט פּאָרזיכטיקער, באַגנוגנט זיך מיט עטלעכע באטאליאָנען פון אירע ״אצאיקא״־טעראָריסטן און פּ.ל.אָ.־איינהייטן, ווייל זי האָט געוווסט, אז ישראל וועט נישט שווייגן, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די דערקלערונגען פון פּרעמיער יצחק רבין: ״יעטוועדער פּרווו צו פארכאפּן לבנון, וועט שאַפן א לאגע, וועלכע וועט טרעפן אין דער זיכערקייט פון ישראל. איך וויל האָפן אז זיי (געמיינט סיריע — ד. ש.) וועלן צוויי מאָל איבערקלערן, איידער מ׳וועט פּרובירן זיך אריינמישן אין לבנון אין אזא פאָרם, וואָס וועט באַדראָען אונדזער זיכערקייט״. אויב, חלילה, רעאַליזירן אזא וואָרענונג, וואָלט באַטייט נישט נאָר אַ באַנייטע מלחמה אין ראַיאָן, נאָר אויך אַ צעשטערטער בנין פון די ביז איצטיקע רעגולירונגען און אָפּמאַכן, וועלכע אמעריקע, מצרים און ישראל האָבן מיט אזוי פיל מי אויפגעשטעלט; עס וואָלט אויך אַ סוף געמאכט צו די שלום־באַמיונגען פון וואשינגטאָן, פון וועלכע סיריע האָט אגב אויך געגנאָסן, נישט ווייניקער פון קאיר און ירושלים און באַדראָט די אמעריקאַנער השפּעה אין ראַיאָן, וועלכע איז דערגרייכט געוואָרן אויפן חשבון פון מאָסקווע.

דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז ס׳איז אויך פאראן אויף דער וועלט א דעטאַנט, וואָס האָט אוודאי משפּיע געווען אויף אמעריקע זי זאָל צורו לאָזן מיט אַן אינטערווענץ, ווי זי האָט דאָס געטאָן אין יאָר 1958, מיט איר דעסאַנט פון מארינס. פארשטענדלעך, אז ישראל האָט די גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אין לבנון מיט דער גרעסטער וואכזאמקייט, נאָר אין דער אונטערשטער שורה דעמאָנסטרירט... גלייכגילטיקייט. און ס׳איז געווען לגמרי ריכטיק אזא האנדלונג. בנוגע איין פּונקט, און גראָד אַ הומאַניטארן, איז ירושלים נישט געבליבן גלייכגילטיק: עטלעכע טעג נאָכן איינשטעלן דעם פייער־איבערייס האָט דער זיכערקייט־מיניסטער שמעון פרס גערופן די פליטים פון לבנון צו קומען קיין ישראל, אויב אַזאַ איז זייער פאַרלאַנג. אונדזער גרענעץ וועט פאר זיי זיין אָפן. די דאָזיקע איינלאדונג, שיינט מיר, איז געווען די איינציקע פון דעם מין אין אונדזער ראַיאָן און אין דער גאנצער וועלט...

**6**

אָבער ווו איז געווען די און׳אָ, איר זיכערקייט־ראט, דער וואטיקאן, די אַראבישע ליגע און די פארשידענע ״הומאַניסטן״ פון יענע לענדער, וואָס איילן זיך תמיד צו פאַראורטיילן ישראל פאר אירע ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין ירושלים, אָדער ווען ישראל רעאַגירט מיט א רעוואַנזש־אקציע אין לבנון? איז דאָך יענץ לאנד ממש אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אין משך פון יאָר און די אַלע שיינגייסטער און וועלט־פארזאָרגער האָבן אָנגענומען א מויל מיט וואסער. זאָל איך חושד זיין, אז ס׳איז געווען א דזשענטלמען־אָפּמאַך צווישן וואטיקאן, וואָס האָט געמאַכט א שוויג, ווען מ׳האָט לויט די אַלע כללים פון ״דזשענאָסייד״, געשאָכטן די אָנהענגערס פון געקרייציקטן, און צווישן דער אראבישער ליגע, וועלכע האָט שטאַמלדיק געלאָזט אַמאָל הערן א זייטיקע באַמערקונג, הגם די בלוטיקע דראמע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין א וויכטיק אראביש לאנד, אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין דער ליגע? און וואָס איז עפּעס טויב און שטום געוואָרן די און״אָ און דער זיכערקייטראט לגבי די געשעענישן אין לבנון? מילא, פאר זיי איז כאָטש פאראן אַ ״תירוץ״: מ׳איז דאָך געווען באַשעפטיקט איבערן קאָפּ מיט... ישראל, מיט צונויפשטעלן רעזאָלוציעס קעגן איר, מיט פּרווון צו טאָרפּעדירן די באַשלוסן 242 און 338, ווי אויך לייגן שטיינער אויפן וועג צו זשענעווע. אויפן פאָן פון טומלדיקן, גרילצנדיקן און פיינטלעכן אנטי־ישראל כאָר אין זיכערקייט־

ראט, האָט ווי ״אָפּגעהילכט״ די היפּאָקריטישע און פאַרברעכערישע שטילקייט לגבי דער לבנונער טראגעדיע. כ׳האָב ערגעץ־ווו געלייענט, אז ״די באַזיגטע און דערשלאָגענע קריסטן אין לבנון מעגן איצט טענהן דאָס זעלבע וואָס די יידן אין דער אָקופּירטער אייראָפּע אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט מלחמה: ...און די וועלט האָט געשוויגן!״...

7

ווי באַוווּסט, האָט די פּ.ל.אָ. אויפגעשריבן אויף איר פאָן די זייער לאָקנדיקע, הגם דעמאגאָגיש פאַרפּירערישע לאָזונג צו שאַפן א דעמאָקראַטיש־וועלטלעכע מדינה אויפן אָרט פון דער איצטיקער, ציוניסטישער ישראל. דערביי זאָגן צו אראפאט און כאבאש, אז אין אזא לאַנד וועלן לעבן אין הארמאָניע און אין פרידן יידן, קריסטן און מוסולמונער. לבנון האָט טאַקע באַדאַרפט זיין דער ״ביישפּיל״ און ״מאָדעל״ פאַר אזא בשותפותדיק צוזאַמענלעבן. איז געקומען די ״לעקציע״ לבנון און באַוויזן אויף א באַשײַנפּערלעכן אופן, ווי אזוי איין אראַביש פאָלק, נאָר מיט צוויי רעליגיעס, איז מסוגל צו לעבן אונטער איין מלוכהשן דאַך. היינט שטעלט אייך פאָר, ווי ס׳וואָלט אויסגעזען מיט נאָך אַ ״פּאַרטנער״, דערצו נאָך אַ יידישן... און מיר ווייסן וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיטן קליינטשיקן יידישן ישוב אין לבנון, אין די טעג פון די אומרוען.

ווען די שורות ווערן געשריבן, הייבט זיך אָן סטאַביליזירן דער פייער־איבעררייס, הגם ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז נאָך אַלע אָפּמאַכן, זאָל דאָרט זיין מערער פייער ווי איבעררייסן...

אין אַזאַ ראַיאָן ווי אונדזערער, וואָס איז אזוי רייך אין נאַפט־מאַגנאַטן, אָבער זייער אָרעם אין רעאַל־פּאָליטיקערס, איז די פּרשה לבנון נאָך נישט קיין פאַרענדיקטע — סיי בנוגע אירע אינערלעכע פּראָבלעמען, און אוודאי אויך — בנוגע מדינת ישראל.

(פאַ״צ י־ם, יאנואר 76; י״ש ת״א, 11.2.76).

## צום יומטוב פון פרילינג און פרייהייט

נאָך א פּאָר טעג – און די פייערלעכקייט, ראָמאַנטישקייט און שיינקייט פונעם יומטוב פסח, וועט אריינדרינגען אין יידישע הייזער אין ישראל און אין די תפוצות, אַרויסרופן דערינערונגען פון דער אַלטער היים און וועקן גלויבן און אָפּטימיזם פאַר דער צוקונפט. די וועלטלעכע יידן, פּונקט ווי די רעליגיעזע, וועלן אין דער איינער סדר־נאַכט וואָס ווערט געפּראַוועט אין ישראל, זיין דורכגעדרונגען מיטן באַוווּסטזיין, אז דער צוועלפטער פסח אין דער מדינה, שטייט ווידער אונטערן צייכן פון פרידלעכן בוי און וווּקס, ווייטערדיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, מיליטערישער פּאַרפעסטיקונג, אויסגעוואַקסענעם אינטערנאַציאָנאַלן פּרעסטיזש – טראָץ די שטרויכלונגען, ראַנגלענישן און פּיינטלעכן ארום.

ווי אַנדערש וועט דאָ, אין ישראל, אָפּקלונגען דער ״עבדים היינו״! דער דאָזיקער ענטפער אויפן ״מה נשתנה״ ביי די פאַר־קאָנספּירירטע סדר־טישן פון די מאַראַנען אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אין די מיטלאַלטערלעכע געטאָס אין אייראָפּע, אינעם צאַרישן תחום־המושב, אין דער תקופה פון דער דייטשישער ״קרישטאַל־נאַכט״ און פּשיטיק־טעג אין פּוילן, אין די קאָשמאַרפולע יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע – האָט שטענדיק דערציילט, אַז ״קנעכט זענען מיר געווען״; גלייך ס׳וואָלט געווען אַן ענין פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט, בלויז אין דער תקופה פון ערב יציאת מצרים.

פון דעם דאָזיקן עבר האָט אָבער שטענדיק אַרויסגעשריען דער יידישער בטחון צו ווערן בני־חורין. קנעכטשאַפט איז געווען אונדזער דאָליע, נאָר דערנאָך איז געקומען די פרייהייט; איצט איז מען ווידער אין גלות, צווישן פרעמדע, נאָר דאָך – ״לשנה הבאה בירושלים״.

אַזוי פאַר דער גאַנצער צוויי טויזנט יאָריקער געשיכטע פון יידישער פּיין און גבורה, האָט דער טרוים און בענקשאַפט נאָך פרייהייט שטענדיק זיך אידענטיפיצירט מיט ציון, מיטן צוריקקער אין אייגענעם לאַנד. דער פאָלקס־אינסטינקט האָט געפילט, אַז די גאולה מוז קומען – אָבער זיך נישט

פאָרגעשטעלט, אַז די מיילשטיינער אויפֿן וועג צו באַפרייונג וועלן אויך זיין קרעמאַטאָריעס און טויט־לאַגערן.

און ווייל די מדינה איז דערגרייכט געוואָרן פאַרן פרייז פון אַזויפיל בלוט און טרערן פון צענדליקער דורות – דאַרף זי איצט ווערן אָפּגעהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. גרויס זענען די געפאַרן פון דרויסן, אָבער אויך אינעווייניק זאַמלען זיך וואָלקנס, וואָס פאַרטונקלען די בלוי־ליכטיקע ישראל־הימלען.

*

פּסח איז פאַרבונדן מיט דער לעגענדע פון ים. די פאַרצייטיקע מצרים האָבן אין די צעברויזטע כוואַליעס געהאָפט צו דערטרונקען די אָקערשט דערראָבערטע פרייהייט פון אַ פאָלק. און ווי די געשיכטע חזרט זיך איבער! ווען דער היינטצייטיקער פּרעה געפינט זיך אויף אַ באַזוך אין אינדיע, האָט די מצרישע אַמבאַסאַדע אין ניו־דעלהי אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן פּרעסע־קאָמוניקאַט, וואָס וואָרנט פאַר אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס צווישן דער פאַראייניקטער אַראַבישער רעפּובליק און ישראל, אויב די לעצטע וועט וואַגן צו לענקען די ירדן־וואַסערן אויף צו באַפרוכפּערן אירע וויסטע פעלדער. מיר ווילן האָפן, אַז פונקט ווי פון די דראָונגען ״אַריינצושליידערן די ישראלים אין ים״ אין יאָר 1948 און שפּעטער, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך – אַזוי וועלן מיר אויך אין דער איצטיקער נערוון־מלחמה אַרום דעם טייך־וואַסער, אַרויס ווי זיגער. נאָר דער עצם פאַקט, וואָס גראָד פון דער הויפּטשטאָט פון אַ נייטראַלער אינדיע הערט זיך דאָס שנאהדיקע פאָכען מיט דער שווערד בעת נאַצערס באַזוך דאָרט, זאָגן עדות, אַז קאַיר האָט נישט רעזיגנירט פון אירע פיינטלעכע פּלענער כלפּי ישראל.

די ״קליינע ים־מלחמה״ מיט ישראל פאַרן שיפס־פאַרקער אין סועץ – האָט נאַצער געווינען, צוליב דער הילפלאָזיקייט פון האַמערשעלדן און גלייכגילטיקייט פון כרושטשאָוון, אייזענהאוערן, מעקמילענען און דעגאָלן. אַזעלכע נצחונות קאָנען נאָר דערמוטיקן צו ווייטערדיקער אַגרעסיע. דערפאַר אונדזער באַזאָרגעוודיקייט, דערפאַר אונדזער זיכערקייט־גרייטקייט, וואָס פאַרשלונגט גרויסע טיילן פון בודזשעט, דערפאַר דער באַרעכטיקטער באַוואָפענונג־אָנשטרענג, וואָס צוימט די אַנטוויקלונג פון לאַנד. אַן אַנדערע פראַגע, צי די שלום־אָנשטרענגונגען און איניציאַטיוון פון ישראל שפּאַנען באַזאַמען מיט דער זאָרג פאַר דער גאַנצקייט און זיכערקייט פון אירע גרענעצן, וואָס אויך אין דער פּסח־נאַכט ווערן זיי וואַכזאַם געהיטן דורך די בעסטע קינדער פון פאָלק – די זעלנער פון צה״ל.

פונדעסטוועגן זענען מיר דעם היינטיקן פּסח, דעם יומטוב פון פרילינג און פרייהייט, מערער ווי ביז איצט, אָפּטימיסטישער בנוגע שלום־פּערספּעקטיוון אויף דער וועלט. די ״פיר גרויסע״ דאַרפן זיך טרעפן דעם צווייטן חודש, נאָך אינטענסיווע באַגעגענישן אויפן הויכן שטאַפּל צווישן מאָסקווע־וואַשינגטאָן, לאָנדאָן־מאָסקווע, מאָסקווע־פּאַריז, לאָנדאָן־וואַשינגטאָן, פּאַריז־לאָנדאָן. אַ מילד ווינטל פון אַנטשפּאַנונג און צוזויפריידונג טראָגט זיך איצט איבער דער וועלט. וועט עס אויסמיידן דעם נאָענטן מזרח?

*

איר געדענקט אוודאי דעם ״כל דכפין ייתי וייכול״. אפשר שווערע ווערטער, אָבער סאַראַ פאַרשטענדלעכע שפּראַך. דער וואָס איז הונגעריק, זאָל קומען עסן! איז כדאי טאַקע אין דעם יומטוב, ווען דער פּסוק פון דער הגדה ווערט באַנוצט, אַוועקצושטעלן די פראַגע: זענען נאָך ביי אונדז פאַראַן הונגעריקע? און אויב יאָ – זאָרגט מען זיי אַנצוזעטיקן?

ליידער, די אַנטוויקלונגען אין לאַנד לאָזן נישט געבן אַ פולשטענדיק פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער פראַגע. אויפגעקומענע גבירים, שפּעקולאַנטן, פּאַראַזיטישע עלעמענטן – געניסן פון ווילטאָג און רייכטום אין אַ לאַנד, וווּ ס׳איז פאַראַן אַרבעטלאָזיקייט, נויט־אַרבעטן (״דחק״) און ווייניק־פאַרדינענדיקע מענטשן. דער שטאַרק־געלויבטער און אַזוי נייטיקער חלוציזם איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורכן קאַריעריזם. אַ ליידיקע יוגנט, מיט ניהיליסטישע נטיה׳ס און פאַרברעכערישער סטאַטיסטיק, שטעלט אין שאָטן די בחורים פון קיבוץ, פונעם אידעאַל.

אַרבעטער־ווערטן ווערן אויסגעלאַכט דורך ציניקער און שוואַך־גלויביקע. די איינגעשרומפּענע עליה אין לעצטן יאָר און די באַדייטנדיקע ירידה פון לאַנד, פונקט ווי דער וויסטער נגב און דאָס געשריי פון די קיבוצים נאָך פרישע אַרבעט־כוחות, וואָלטן באַדאַרפט אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן און באַוועגן צו ענדערן זייער פּאָליטיק:

אַנשטאַט אַטענטאַטן אויפן אַרבעטער־לוין דורך דירעקטע און אומדירעקטע שטייערן — איינקאַסירן די פאַרלעגענע חובות ביי די וואָס דרייען זיך אַרויס פון צאָלן און באַלעסטיקן די וואָס קאָנען און דאַרפן דערפילן זייער חוב כלפּי דער מדינה.

אַנשטאַט ליקווידאַטאָרישע פאַרייניקונג־פּאָרשלאַגן — פּרוקטבאַרע צוזאַמענאַרבעט פון די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס זאָל נאַטירלעכערווייז דערפירן צום אַזוי נייטיקן איינהייט־פראָנט:

אַנשטאַט רעגיאָנעלע מערהייט־וואַלן — אַ דעמאָקראַטישער שפּיל פון כוחות.

*

אַזוי דאַרפן מיר די שיינע טראַדיציעס פון פּסח, וואָס זענען דורך פייער און פלאַמען אַדורכגעטראָגן און אָפּגעהיטן געוואָרן פון דורות טרוימערס, קעמפערס און גלויביקע, אויך אָנווענדן כלפּי חוץ, ווי כלפּי פּנים.

כלפּי חוץ מיינט, אַז נישט נאָר אונדז קומט צו זיין בני־חורין. די דאָזיקע רעכט געהערט אויך די נעגערס אין דרום־אַפריקע, די גריכן און טערקן אין ציפּערן, די אַלזשיריאַנער אין זייער לאַנד, געגנוי ווי אַלע אונטערדריקטע און עקספּלאָאַטירטע דורך אייגענע און פרעמדע. און כלפּי פּנים — ניוועלירן דעם תהום צווישן אָרעם און רייך; פאַרווישן, ווי וויט מעגלעך, דעם אונטערשיד צווישן דער מעברה און דער ווילע; זינגען אַ לויב דער שעפערישער יצירה און איר באַשאַפער; געבן דער אַראַבישער מינדערהייט פולע רעכט; דערהייבן די פאַרשידענע עדהס סאָציאַל און קולטורעל — צום אמתן מיזוג הגלויות.

אין פּסח תש״ך זאָל די וועלט, אונדזער ראַיאָן און מדינת ישראל מאַכן נאָך אַ גרויסן שריט פאָרויס — צו מער פרילינג און פרייהייט.

(י״ש ת״א, 7.4.60)

# ישראל און די ״שפּיצן־קאָנפערענץ״

הימל און ערד און — שפּיצן־קאָנפערענץ. די גאַנצע דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע טעטיקייט פון די גרויסמאַכטן און קלענערע מדינות איז איצט קאָנצענטרירט אַרום דער באַגעגעניש אַרום דעם ״רונדן טיש״ פון די פיר גרויסע, מיטן וואַרשיינלעכן אָנטייל פון פאָרשטייער פון אַנדערע לענדער. האָפענונגען און אילוזיעס, אויסזיכטן און אַנטוישונגען פלעכטן זיך איצט דורך אין די הערצער פון מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט, וואָס ווילן זוכה זיין צו אַזאַ קאָנפערענץ און אויך צו באַשטימטע, פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. ווייל אַלע פילן און ווייסן, אַז פון אַ צוגעשפּיצטער און אָנגעגליטער אַטמאָספער פון קאַלטער מלחמה, איז זייער לייכט און פשוט איבערצוגיין צום הייסן קריג, און אַז נאָר דאָס צוניפרעדן זיך פון די פיר גרויסע קאָן פאַרמיידן חורבן, אונטערגאַנג, טויט. שטייט טאַקע די וועלט פאַר דער האַרבער ברירה: ווייטערדיקע שפּאַנונג, באַוואָפענונג און נערוון־קריג — ביזן דערקייקלען זיך צום אָפּגרונט, אָדער אַן אַלגעמיינער הסכם וועגן אַנטוואָפענונג, אַנטשפּאַנונג און פרידלעכע קאָ־עקזיסטענץ.

נאָר ווי תמיד, ביים צורירן זיך צו גאָר גרויסע, אוניווערסאַלע פּראָבלעמען פון שלום אָדער מלחמה, טאָרן מיר קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן פון אויג אונדזערע היימישע, יידישע ענינים: דעם גורל פונעם צעשפּרייטן און צעזייטן יידישן פאָלק אין דער וועלט און דעם עצם קיום און צוקונפט פון דער יידישער מדינה. פאַרזען אָדער מאַכן זיך פאַרגעסן אין די צוויי פאַר אונדז אַנטשיידנדיקע ענינים, אַפילו ווען אויף דער וואָגשאָל איז אַוועקגעלייגט דער גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט, מיינט — זיין אָפּגעריסן פון אייגענעם פאָלק און לאַנד, געבן פאָרצוג דעם קאָסמאָפּאָליטישן ״וועלט־שמערץ״, ביים גלייכצייטיקן פאַרלייקענען די אונדז נאָענטע אינטערעסן.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און וואַכזאַמקייט פאָדערט זיך דעמאָלט, ווען ביים פאַרהאַנדלונג־טיש זיצן די גרויסמאַכטן. די ביזאַיצטיקע דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז נישט שטענדיק זענען זיי דורכגעדרונגען מיט דער זאָרג פאַרן גורל פון קליינע פעלקער און לענדער, וואָס אויב מען געפינט שוין יאָ וועלכע ס'איז לייזונג פאַר זייערטוועגן, איז עס גיכער אַן אויפגעצוווּנגענע לייזונג, וועלכע טראָגט אין זיך תמיד נייע געפאַרן. דערפאַר איז נאַטירלעך די פאָדערונג, אַז אויב פּרוּוון לייזן באַשטימטע אָנגעווייטיקטע פראַגן פון וועלכן ס'איז פאָלק, מוז די אַנטשיידונג געמאַכט ווערן מיטן אָנטייל און הסכמה פון די לעגיטימע פאָרשטייער פון דעם דאָזיקן פאָלק. דעם גרעסטן כבוד און רעספּעקט פאַר די מעכטיקע און אויטאָריטעטע וועלט־פּאָליטקער — אָבער זייער באַשליסן וועגן גורל פון אַנדערע, מוז פאָרקומען ביי דער סוּווערענער מיטבאַטייליקונג פון אַלע פאַראינטערעסירטע צדדים.

*

נאָר דאָס וואָס איז לאָגיש, זעלבפאַרשטענדלעך און נאַטירלעך פאַר אַ געוויינלעכן בשר־ודם, הייבט אָן ווערן אויסטערליש, מאָדנע און אומוואַרשיינלעך אין דער ספערע פון "הויך־פּאָליטיק" און פאַרפלאָנטערטער דיפּלאָמאַטיע. איצט ווייסט שוין אַפילו אַ קינד אין וויג, אַז אויב די קאָנפערענץ "אויפן הויכן שטאַפּל" וועט יאָ צושטאַנדקומען, איז עס אויסשליסלעך צוליב די געשעענישן אויפן נאָענטן מזרח, און באַזונדערס די לעצטע אַנטוויקלונגען אין אונדזער ראַיאָן. נאָכמער: דער איינציקער פּונקט פון סדר־היום פון אַזאַ צוזאַמענקונפט, זאָל זיין די פראַגע פון מיטעלן מזרח. דערפאַר דאַרף אויפריכטיק באַגריסט ווערן די אַנטשלאָסענע ווענדונג פון ראַטנפאַרבאַנד צום מערב וועגן טרעפן זיך ביי איין טיש, גראָד אין מאָמענט פון אויסגעוואַקסענער שפּאַנונג צוליב די אומבאַרעכטיקטע מיליטערישע דעסאַנטן פון אַמעריקא און ענגלאַנד אין לבנון און ירדן. דער מיליטערישער פּאָטענציאַל און פּאָליטישער אָנזען פון מאָסקווע איז גאָרנישט קיין קלענערער ווי דער פון מערב און נישט איינער האָט געמיינט, אַז סאָוויעטיש מיליטער וועט נאָכטאָן דעם שלעכטן ביישפּיל פון די אַנגלאָזאַקסישע אַרמייען און אויך זיך אַרויסזעצן אין דעם ראַיאָן, מיט צי אָן אַן "איינלאַדונג" פון וועלכער ס'איז רעגירונג. נ. כרושטשאָוו האָט אָבער אויסגעקליבן דעם וועג פון פאַרהאַנדלונגען, פון איינשטילן און פאַרלעשן די שריפה, אָנשטאַט דאָס פייער פונאַנדערצובלאָזן. זיין פאָרשלאַג וועגן אַ דרינגענדיקער שפּיצן־קאָנפערענץ במשך געציילטע טעג, ווי די "פיר גרויסע", נערו, האַמערשעלד און די אַראַבישע לענדער זאָלן אַרומריידן די פּראָבלעמען פון נאָענטן מזרח, ווי אויך זיין שפּעטערדיקע הסכמה (וואָס אַלע האָבן זי געהאַלטן אַלס אַן אומוואַרשיינלעכע) צונויפטרעפן זיך אין די ראַמען פון אונ"אָ צי פון זיכערהייט־ראַט — וועט אומבאַדינגט אַריין אין דער געשיכטע ווי איינע פון די פּאָזיטיווע שריט פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק.

פאַראַן אָבער איין שוואַכער פּונקט אין כרושטשאָווס איניציאַטיוו, וואָס אין אונדזערע אויגן איז ער אַנטשיידנדיק. מיר מיינען דעם קלאָר־פאָרמולירטן דורכן סאָוויעטישן פּרעמיער פאָרשלאַג וועגן צוזאַמענשטעל פון דער שפּיצנקאָנפערענץ, ווי אויך די טעמע וואָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן, — אָנעם דערמאָנען ישראל. עפּעס אַ מין פאַרשימלטער "קראָמיע יעוורעיעוו" האָט זיך אַ טראָג געגעבן פון מאָסקוועס צעטל נעמען און לענדער, וואָס דאַרפן אויפן הויכן שטאַפּל דעצידירן וועגן נאָענטן מזרח. האָט כרושטשאָוו פאַרגעסן, אַז אויך מיר געפונען זיך דאָ? אַז אויך מדינת ישראל איז אַ נישט קלענערער מחותן — געאָגראַפיש און פּאָליטיש — צו די מיטל־מזרחדיקע מדינות? שווער צו גלויבן, אַז אין דער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט זאָל מען וועלן איבערחזרן דעם פעלער פון באַנדונג: באַשלוסן וועגן און קעגן ישראל — אָן איר באַטייליקונג און ביים באַוווסטזיניקן, בויקאָטירנדיקן אַרויסלאָזן זי פון דער רשימה פון די אַזיאַטיש־אַפריקאַנישע לענדער. מיר האָבן נישט מסכים געווען מיטן באַנדונג נומער איינס — און זיכער וועלן מיר נישט אָנעמען לייזונגען נוסח אַ באַנדונג נומער צוויי.

דער ראַטנפאַרבאַנד קאָן נאָך פאַריכטן דעם פעלער. אויב ער מיינט טאַקע ערלעך און אויפריכטיק צו געפונען אַ קאָנסטרוקטיווע און פּאָזיטיווע לייזונג פון די מיטל־מזרחדיקע פּראָבלעמען — איז עס נאָר און אויסשליסלעך מיטן אָנטייל פון מדינת ישראל, וואָס זאָל ווי אַ גלייכער מיט גלייכע אַוועקגעזעצט ווערן ביים פאַרהאַנדלונגס־טיש. מיטן איינשליסן ישראל אין דער רשימה פון מיטבאַטייליקטע אין דער קאָנפערענץ, וועט דער ראַטנפאַרבאַנד באמת דעמאָנסטרירן זיין אָביעקטיווקייט און ערלעכקייט, אפילו אין שטחים, ווו דאָס לאָזט זיך נישט אַזוי שטאַרק אָנווענדן — פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע.

*

נאָר אויך דער סאָוויעטישער צד־שכנגד, וואַשינגטאָן און לאָנדאָן, האָבן שוין פאַרשריבן אַ וועלט מיט פּאַפּיר אויף ענטפער־נאָטעס צום ראַטנפאַרבאַנד און אויף געשפּרעכן מיט אירע פאַרבינדעטע וועגן פּרטים פון דער קאָנפערענץ — און ווידעראַמאָל — "קראָמיע יעוורעיעוו". אונדזער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, אבא אבן, און זיין קאָלעגע אין לאָנדאָן — אליהו אילת, קלאַפּן אין די טירן און שרייען אין די טויבלעכע אויערן פון סטייט־דעפּאַרטאַמענט און דאָונינג־סטריט, אַז "עם ישראל חי" און זיין מדינה לעבט — נישט ערגעץ אונטער די הרי־חושך, נאָר אין סאַמע הארץ פון מיטעלן און נאָענטן אָריענט, וואָס אויב מען פאַרמעסט זיך שוין יאָ צו באַהאַנדלען זיינע פּראַגן — איז דאָך אַ יושר דאָס מיר זאָלן זיצן ביי דעם טיש און לאָזן הערן אונדזער וואָרט. אמת, דזשאָן פאָסטער דאַלעס וואָלט זיכער מוותר געווען אַ פּאָר יאָר אַמטירן אויפן פּאָסטן פון אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער, אַבי צונישט מאַכן אַ צוזאַמענטרעף מיט נ. כרושטשאָוו אין דער מעטראָפּאָליע — ניו־יאָרק. נאָר אַ סך זאַכן זענען שוין פאָרגעקומען קעגן רצון פון דאַלעסן. די שפּיצן־קאָנפערענץ האַלט מען שוין כמעט פאַר אַ זיכערע זאַך. אָבער דער אַמעריקאַנער מלוכה־מאַן האָט נאָך נישט געגעבן קיין פּיפּס, קיין מינדעסטע אָנדייטונג, וועגן דער לעגיטימער רעכט פון ישראל צו זיין רעפּרעזענטירט ביים רונדן טיש. שווער צו זאָגן, אַז אויך ער האָט פאַרגעסן אונדזער אַדרעס, וויל אָט האָט די פּרעסע דערציילט וועגן דער באַשטעלונג, וואָס דאָס אַמעריקאַנער דעסאַנט־מיליטער האָט געמאַכט ביי דער ישראלדיקער "תנובה" וועגן צושטעלן אַ מיליאָן אייער קיין לבנון. קלאָר, אַז אַזעלכע טראַנזאַקציעס ווערן נישט געמאַכט אָן דער סמיכות פון סטייט־דעפּאַרטמענט, ווו הער דאַלעס געוועלטיקט אומגעשטערט. פּונקט אַזוי ווי לאָנדאָן האָט זיך יאָ דערמאָנט אין אונזער קיום, ווען איר איז נייטיק געווען אַ שטיקל ישראלדיקער הימל אויף איינצושטעלן די בריטישע "לופטבריק" פון קפריסין קיין ירדן. נאָר אַז מען גייט ריידן וועגן תכלית, דערצו נאָך די "פיר גרויסע" און אַנדערע אויטאָריטעטן, פאַרפעלט אויך דעם הער מעקמילען און זיין אויסערן־מיניסטער סעלווין לויד, סיי אָטעם, סיי לשון, צו דערמאָנען ישראל אַלס נאַטירלעכן קאָנטראַהענט צו די פאָרשטייענדיקע געשפּרעכן אויפן הויכן שטאַפּל, אין ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזער ראַיאָן.

מיינען טאַקע די דאָזיקע אַנגלאָזאַקסישע פּאָליטיקער, אַז דאָס וואָס זיי זענען געווען מסוגל אָנצוואַרפן מיט מיליטערישן כוח אויף לבנון, קפריסין, ירדן, וועט אויך אָנגיין אַלס באַשלוסן פון אַ שפּיצן־קאָנפערענץ כלפּי ישראל? אַזאַ פּרווו צו לייזן דאָס מיטל־מזרחדיקע פּראָבלעם סיי פון מזרח און סיי פון מערב, מיינט בלויז צוגיסן בוימאייל צום פייער און ממשיך זיין מיט דער אַדורכגעפאַלענער ליניע פון קאָקעטירן און חנפנען די אַראַבער, אויפן חשבון פון ישראל.

פונדעסטוועגן האָבן זיך נאָך אויף דער זינדיקער ערד געפונען עטלעכע פּאָליטיקער, וואָס האָבן אָפן אַרויסגערוקט די פאָדערונג פון אַרייננעמען ישראל אויף דער רשימה פאַרטנערן צו דער שפּיצן־קאָנפערענץ. אויסער געוויסע יחידי־סגולה אין די פאַרייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן בלויז אַרויסגעבראַכט זייער פּערזענלעכן פאַרלאַנג און סימפּאַטיע פאַר אונדזער מדינה, האָט זיך געלאָזט הערן די אויטאָריטעטע שטים פון דער פראַנצויזישער רעגירונג און פון דער מערב־דייטשער רעגירונג וועגן אומבאַדינגטן אָנטייל פון ישראל אין די אַנטשיידונגען וועגן ראַיאָן. וואָלט דאָס אויך געווען אַ טרייסט אין אָנבליק פון איזאָלאַציע־פּרווון מצד די גרויסע און דעצידירנדיקע

פאַקטאָרן, ווען מען זאָל זיך נישט דערמאָנען, אַז אייגנטלעך זענען דאָ פּאַריז און באָן אויסן נישט אַזוי די הגדה, ווי די קנײדלעך. שווער אָנצונעמען, אַז פראַנקרײך און מערב־דײַטשלאַנד דריקט שטאַרק אויפן האַרץ ישראל׳ס אָפּוועזנהייט פון אַ פעלקער־צוזאַמענקונפט אין די ראַמען פון אונ״אָ. זיכער אַנטשיידן דאָ מערער זייערע אינטערעסן, ווי די לעבנסוויכטיקע ענינים פון מדינת ישראל. אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס די דריי גרויסע (ראַטנפאַרבאַנד, אַמעריקע און ענגלאַנד) שווייגן און פאַרשווייגן ישראל, איז גוט געשען, וואָס פון די צווײ וויכטיקסטע מערב־אייראָפּעישע מדינות, איז געקומען אַ רוף לטובת אונדז.

נאָר פאַר אַלעמען מוזן מיר אַליין געשטאַלטיקן אונדזער גורל, אויף וויפל דאָס ווערט אונדז נאָר געגעבן. דאָס פאַרשטייט די איצטיקע רעגירונג, וועלכע פירט אין די לעצטע טעג אַ פיבערהאַפטע און ענערגישע דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע טעטיקייט צו זיכערן אונדזער אָרט אינעם צוזאַמענקונפט פון די ״גרויסע״. אָן אַנדערע פראַגע איז, צי אויך דאָסמאָל ווערן די ענינים געפירט בלויז אין די ראַמען פונעם אויסערן־מיניסטעריום און פון ביוראָ פון פּרעמיער, אָדער איז מען אַוועק פונעם שאַבלאָן און מען באַטייליקט אַלע כוחות פון דער רעגירונג אין אַזעלכע וויכטיקע אַנטשיידונגען. ווי עס זאָל נישט זיין, דאַרף מיט אַנטשלאָסנקייט געהערט ווערן אונדזער שטים אין מאָסקווע, וואַשינגטאָן, לאָנדאָן, פּאַריז און אין אונ״אָ אין ניו־יאָרק, אַז גאָרנישט וועגן ישראל — אָן ישראל. אַז פּונקט ווי מיר זענען אַ יש צווישן די פעלקער און לענדער אויפן נאָענטן מזרח, אַזוי דאַרפן מיר זיין אַ פאַקטאָר אויפן צוזאַמענטרעף אויפן הויכן שטאַפּל. די באַגעגעניש פון בן־גוריון — נאַצער אין ניו־יאָרק האָט אַ ברירה צו זיין פאַר וועמען אַן אַטראַקציע, פאַר אונדז אָבער איז עס אַ לעבנסוויכטיקער ענין צוניפבערענגען ביי איין טיש די צווײ מלוכה־מענער, כדי פרווון פאַרוואַרפן אַ בריק פאַרן געגאַרטן שלום צווישן אונדז און די שכנים.

(י״ש ת״א, 31.7.58)

# פלאָרענץ, ירושלים און קאִיר

מיר אלע זענען נאָך אונטערן רושם פון די אימפּאַזאנטע פײַערונגען און אויפטריטן לכבוד צען יאָר מדינת ישראל. נישט קלענער איז אונדזער שטאָלץ מיט די גראַנדיעזע אויפטוען פון דער גאָר יונגיטשקער און קליינער מדינה — אויפן געביט פון עליה, קליטה, לאנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, מיליטערישן פּאָטענציאַל, קולטור, דערציונג און דעמאָקראַטישן רעזשים. אלע פרייען מיר זיך אויך פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָזיציע און אנערקענונג וואָס ישראל האָט דערגרייכט פאַר אזא קורצער צייט. און דערפאַר מעגן מיר מיט אָפּטימיזם און האָפענונג קוקן אין דער צוקונפט, אַז אויך דער צווייטער צען־יאָר וועט נישט פאַרטונקלען זיין פּאָרגייער.

פאַראַן אָבער איין זייער וויכטיקער אָפּשניט אין אונדזער לעבן, ווו ס׳איז ליידער נישטאָ צו פארצייכענען קיין איבעריקן דערפאָלג. דער איינציגער פונקט, ווי מען מאכט נישט קיין טריט פאָרויס. אדרבה, אָפּטמאָל באקומט זיך דער איינדרוק, אז מען איז גאָר געגאנגען צוריק...

מיר מיינען — די שלום־אויסזיכט צווישן ישראל מיט די אראבישע מדינות.

*

סיי מדינת ישראל, סיי די אראבישע לענדער, האבן פאר די לעצטע צען יאָר פיל אדורכגעמאכט און איבערגעלעבט אין אלע שטחים פון זייער מלוכהשן לעבן, אז ביסט דערשטוינט און דערשלאָגן, וואָס גראָד אין שטח פון די קעגנזייטיקע באציונגען צווישן די צוויי פעלקער, האָט זיך גאָרנישט געענדערט. יענע האלטן נאָך אלץ ביים אָנהייב. פאר זיי איז דער וואָפנשטילשטאנד הסכם אין ראָדאָס מיט 9 יאָר צוריק, נישט מער ווי א ״פייער־איבערייס״, וואָס קאָן באנייט ווערן, אנשטאט פארווירקלעכן דעם ערשטן פּונקט פון הסכם, וואָס זאָגט בפירוש, אז מען דאַרף אים פארוואנדלען אין א שלום־אָפּמאַך.

ביי אזא אַטמאָספער פאַרשטייט יעדער בר־דעת, אז פון אייגענער איניציאַטיוו וועלן ביידע צדדים זיך נישט אָנועקזעצן ביי איין טיש. בלויז א דריטער, א זייטיקער, האָט געקאָנט — און באַדאַרפט פאַרמיטלען, כדי פּרוּוון לייזן אויף א פרידלעכן אופן דעם ישראל־אראבישן קאָנפליקט. עמעץ האָט באַדאַרפט מאַכן דעם אָנהייב. ווער?

לויט אונדזער באַשיידענער מיינונג, איז עס איין דער ערשטער ריי געווען די פליכט פון אונ״אָ־סעקרעטאַר, ווייל זיין אַמט און פּאָזיציע האָבן אים פון אַלע שטאַנדפּונקטן קוואַליפיצירט פאַר אַזא דאַנקבאַרער אויפגאַבע. און אויב ער אַליין האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען, — טאָ ווו זענען געווען די פּאָליטיקער פון גרויסע און קליינע לענדער, וואָס רק זיי ריידן וועגן פרידן, צוזאַמענאַרבעט און קאָ־עקזיסטענץ? די מעכטיקע אַמעריקע און דער שטאַרקער ראַטנפאַרבאַנד האָבן גראָד אויף דעם דאָזיקן פראָנט זיך אַרויסגעוויזן שוואַך און אַפּאַטיש, הגם ביידע זענען אין דעם ראַיאָן אַקטיוו און פעסט פאַרוואָרצלט. פונדעסטוועגן האָבן די אונ״אָ, די גרויסמאַכטן, די נייטראַלע לענדער, נישט אַריינגעטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער אויף דערנענטערן און באַרויקן די אַראַבער (נישט איינמאָל האָט מען נאָך געגאָסן בוימאייל צום פייער). דערפאַר איז ערשט אָפּצושאַצן די איניציאַטיוו פון הער לא פּירא, דעם איטאַליענישן פּראָפעסאָר, פרומען קאַטאָליק, געווו. בירגערמייסטער פון פלאָרענץ און אָנגעזעענעם טוער אין דער קריסטלעך־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס האָט מיט צוויי וואָכן צוריק מצליח געווען צונויפירן ביי איין טיש — יידן מיט אַראַבער.

צו דער „קאָנפערענץ פון לענדער פון מיטללענדישן ים" זענען זיך צונויפגעקומען געלערנטע, שרייבער, קולטור־טוער, פּאָליטיקער פון די צפון־אַפריקאַנער לענדער, פון איטאַליע און פראַנקרייך, פון מצרים, סיריע און ירדן, פון ישראל און עיראַק. די חשיבות און דערגרייכונג פונם עצם צונויפקומען זיך פון אַזא געמישטער און פילפאַרביקער געזעלשאַפט, און קודם־כל — ישראל מיט די אַראַבער, איז אַן און פאַר זיך א גרויס געשעעניש, אפילו ווען דערווייל אָן פּראַקטישע דערגרייכונגען. ווער שמועסט נאָך, אַז דעמזעלבן איניציאַטאָר איז געלונגען צו פאַרמיידן דאָס אויפרייסן די קאָנפערענץ, וואָס האָט ממש אויסגעזען ווי אומפאַרמיידלעך, אין אָנבליק פון דער קאַטעגאָרישער פאָדערונג פון די אַראַבער נישט צוצולאָזן צוויי פון דער פינף־פּערזאָניקער ישראל־דעלעגאַציע — ביידע, הויכע באַאַמטע פון אונדזער אויסערן־מיניסטעריום; די אַנטשלאָסענע סאָלידאַרע האַלטונג פון אַלע ישראל־פאָרשטייער נישט נאָכצוגעבן דעם אַראַבישן דרוק און שאַנטאַזש; דאָס אַנטלויפן פון פראַנקרייכס פאָרשטייער פון דער קאָנפערענץ, ווייל עס איז דאָרט געקומען א פאַרטרעטער פון דער נישט לאַנג געשאַפענער אַלזשירער רעגירונג אויף עמיגראַציע. אָבער דאָרט ווי עס זענען פאַראַן ערלעכע כוונות און אויפריכטיקע שטרעבונגען; דאָרט ווי אינטריגירנדיקע פּאָליטיק טרעט אָפּ דעם פּלאַץ פאַר דערהויבענע צילן — דאָרט איז מעגלעך בייצוקומען שוועריקייטן אפילו פון אַזא כאַראַקטער. דער פלאָרענצער סימפּאָזיום איז דאָך פאָרגעקומען.

*

דער רעכטער לאַגער אין לאַנד פּרוּווט צו־נישט מאַכן די באַדייטונג פון דעם צונויפקום אין איטאַליע. „חרות", צ. ב. האַלט, אַז עס האָט נישט קיין זין צו ריידן מיט די אַראַבער וועגן שלום, בעת זיי פּרעדיקן שנאה, פאָדערן צוריק נעמען די פּליטים און דראָען אפילו מיט פאַרניכטונג. ד״ר באַדער מיינט, אַז ס׳איז בעסער צו פאָדערן גאַנץ ארץ־ישראל, דאַן וועלן אונדזערע שכנים זיין גרייט מוּתּר צו זיין, ווייל זיי וועלן מוזן בעטן אַראָפּצולאָזן פון דעם הויכן פּרייז וואָס ישראל האָט געשטעלט. אַנדערע ווידער זענען ביי דער מיינונג, אַז די אַראַבער פאַרשטייען בלויז איין שפּראַך — פון כוח. און אויב אַזוי — צו וואָס בכלל זיצן און פאַרהאַנדלען?!

געפעלן אונדז נישט די עצות פון די וואָס ווילן זייען שפּאַלטונג און נאָך מערער פאַרטיפן דעם ריס צווישן ביידע פעלקער, אפילו ווען די דאָזיקע „עצות" שטאַמען פון יידן. אונדז איז נענטער

צום הארצן די רייד פון אַן אראבער אויף דער זעלבער טעמע, און טאַקע אין פלאָרענץ, וועמענס אויפטריט האט געמאכט אן אומפארגעסלעכן איינדרוק.

איינער פון די וואָס האָט ריכטיק און אויפריכטיק פארשטאנען דעם גייסט פון דעם פלאָרענצער סימפאָזיום, איז געווען נישט קיין אנדערער, ווי רוסטום באסטוני, אן אראבער פון ישראל, א טעטיקער חבר אין מפ״ם (געווען איר דעפוטאט אין דער צווייטער כנסת). שטארק און געלונגען איז געווען זיין ארויסטריט צוליבן טיפן אינהאלט, ריכטיקן אנאליז פון דער לאגע און הייסן באגער צו גוטער שכנהשאפט און פרידלעכן צוזאמענלעבן צווישן ישראל און די אראבער. ער האט אויפגעוויזן, אז צווישן די צוויי פראָצעסן אין וועלכע עס געפינט זיך היינט דער נאָענטער מזרח — נאציאָנאלע זעלבשטענדיקייט און באפרייען זיך פון קאָלאָניאליזם פון איין זייט — און די שטרעבונג פון צוזאמענארבעט און פאראייניקונגען פון דער צווייטער זייט — איז נישטאָ קיין קעגנזאצן.

קלאָר, אז בלויז דער שלום אין ראיאָן וואָלט דערמעגלעכט געמיינזאמע ווירטשאפטלעכע פלאנירונג, עקספלאָאטאציע פון די וואסער־אוצרות און ברענשטאָף, אנטוויקלונג, איבערפירן די באפעלקערונג פון געדיכט־באזעצטע ראיאָנען אין ערטער ווו עס פעלן ארבעט־הענט, נאָר מיט גענוג באָדן און וואסער, אנטוויקלען די טעכניק, וויסנשאפט, מעדיצין און בילדונג.

אָבער די פאראייניקונג פון די פעלקער אין ראיאָן קאָן געבוירן ווערן נאָר אויפן יסוד פון פרייען ווילן און זעלבשטענדיקער אנטשיידונג,ביים אָפּהיטן די טעריטאָריעלע גאנצקייט און סוווערניטעט פון אלע פעלקער אין ראיאָן.ביידע פעלקער שטרעבן צו פרידן — און מען דארף דעם דאָזיקן פראָצעס אונטערהיילן.

*

עס באשטעטיקט זיך דער אלטער כלל, אז ווען ישראל און די אראבער וואָלטן אין דעם ענין פון שלום אינוועסטירט אזויפיל גייסטיקע און מאטעריעלע אָנשטרענגונגען, ווי אין דעם ענין פון מלחמה, וואָלט דער געגארטער פרידן אויפן נאָענטן מזרח — געווען א געשעענער פאקט.

נאָר כל־זמן דאָס איז נאָך נישט געשען — טאָר נישט אונדזער אָפּיציעלע אויסערן־פּאָליטיק גיין אויף דער ליניע פון בלויזע דעקלאראציעס וועגן שלום, אָנעם באגלייטן דאָס מיט א ברייט־פאַרמאָסטענער אקציע פון פרעציזירטע, ממשותדיקע פאָרשלאגן.

אוודאי איז אונזער באוואָפענונג און אויסשטאטונג געווען בכוח אָפּצוהאלטן די אראבער פון א באַנייטער אגרעסיע. אָבער נישט קיין קלענערן דערפאָלג קאָן האָבן א גאָר אנדער ״געווער״ — די אקטיווע און פּאָזיטיווע שלום־פּאָליטיק, וואָס איז מסוגל ארויסצושלאָגן ביי אונזערע שכנים דאָס פאראָסטעטע געווער פון שנאה און חרם. אויך פון אונדז איז א סך אָפּהענגיק צו געבן א תיקון דער אָפּגעהאלטענער קאָנפערענץ אין פלאָרענץ, דורך שטרעבן אויפריכטיק צו איר המשך. די איניציאטיוו פון איטאליענישן פראָפעסאר לא פירא מוז האָבן אירע ווירדיקע נאָכפאָלגער אין ישראל.

*

נאָר פאר אלעמען — א ריינער טיש ביי אונדז. מיר מיינען — די לאגע פון דער אראבישער מינדערהייט אין ישראל, וואָס דארף דינען אלס בריק צווישן די פעלקער פון ראיאָן. אָבער נישט יענע בריק, וואָס מיט קארגע צוויי יאָר צוריק האָבן זי געוואָלט אויפשטעלן די אכט אפיצירן און זעלנער פון דער גרענעץ־וואך אין כפר־קאסעם, אוועק־הרגענדיק אויף א גרויזאמען אופן 47 אירע איינוווינער. אזא טויטן־ברוק קאָן קיין שלום נישט ברענגען. מיר מיינען די בריק וואָס ווערט איצט פארוואָרפן — פון ירושלימער מיליטערישן קרייז־געריכט.

ווען מיר שרייבן די שורות, איז נאָך נישט באקאנט דער פסק־דין, אָבער אין די מאָטיוון פונם אורטייל איז קלאָר און אומצווײדייטיק פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז די באשולדיקטע האָבן אדורכגעפירט א מאָרד מיט פרעמידיטאַציע. דאָס געריכט האט זיך אויך נישט אָפּגעהאלטן פון

אַרויפֿלייגן די פֿולע אחריות פֿאַרן געשעענעם אויף דעם הויכגעשטעלטן מיליטער־מאַן, וואָס האָט דער ערשטער געגעבן די באַפֿעלן פֿון אויסנאַם־צושטאַנד — אלוף־משנה י. שדמי.

אַזאַ אורטייל און אַזעלכע מאָטיוון פֿון דער טראַגישער כפֿר־קאַסם פּרשה זענען מסוגל צו האָבן אַ גוואַלדיקע דערציִערישע באַדייטונג **כּלפּי פּנים**: אַז דאָס לעבן פֿון אַן אַראַבער, אַפֿילו געצייַלטע שעהן פֿאַר דער סיני־אַקציע און אין באַדינגונגען פֿון מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג אין אַ גרענעץ־דאָרף — איז נישט הפֿקר; כּלפּי חוץ — אַז אין דער זעלבער ישׂראל ווי עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס אומגליק פֿון כפֿר־קאַסם — איז אויך מעגלעך געווען אַ מאָראַלישע און געריכטלעכע רעהאַביליטאַציע, דורכן עפֿנטלעכן באַשטראָפֿן די שולדיקע.

*

פֿלאָרענץ האָט געגעבן אַ דערמוטיקנדיקן ביישפּיל פֿון קאָנען זיצן ביי איין טיש. ירושלים האָט מיט איר געריכט־אורטייל דעמאָנסטרירט, אַז ישׂראל מיינט נישט כפֿר־קאַסם. איצט האָט דאָס וואָרט — קאַיר.

(י״ש ת״א, 16.10.58)

## יידיש געווער פֿאַר דייטשלאַנד

אַן אינספּירירטע ידיעה אין דער דייטשישער צייטונג „דער שפּיגעל" האָט מיט בלענדנדיקער ליכט אַנטפּלעקט אַ פֿאַרבאָרגן ווינקל פֿון ישׂראלס באַציִונגען מיט דער רעגירונג פֿון באָן. דער ענין פֿון אָפּשטעקן אַ ביסל גראַנאַטן פֿון „תּוצרת הארץ" פֿאַר דער באַנייטער ווערמאַכט, האָט אויפֿגעטרייסלט דאָס פֿאָלק, צערודערט די וואַל־פּלענער פֿון אַ טייל פּאַרטייען און מנהיגים און אַוועקגעשטעלט די מדינה פֿאַר איינעם פֿון די האַרבסטע פּאָליטישע און מאָראַלישע קריזיסן. די ספּאָנטאַנע רעאַגירונג פֿון אונדזער עפֿנטלעכקייט קעגן דער דאָזיקער טראַנזאַקציע איז פֿיל אויפֿריכטיקער און אַנטשלאָסענער, ווי די קאָמערציעלע און זיכערהייטלעכע אַרגומענטן פֿון די וואָס ווילן דעם געווער־עסק אַדורכפֿירן פֿאַר יעדן פּרייז. אַנטקעגן דער קאַלטער, **סוחרישער מחשבה** פֿון געוויסע פּאָליטיקער, שטייט ווי אַן אייזערנער מויער דאָס **געפֿיל** און **געוויסן** פֿון פֿאָלק, וואָס קאָן פֿאָרט נישט פֿאַרדייען דעם פֿאַקט, אַז יידיש געווער פֿון יידישלאַנד זאָל העלפֿן באַוואָפֿענען די דייטשן פֿון היטלערס דור.

### דער מעקלער — אַ קאַצעטניק

דער וויכּוח איז געוואָרן אַזוי ליידנשאַפֿטלעך, די געמיטער האָבן זיך אַזוי צעהיצט, די געפֿאַר פֿון אַ רעגירונגס־קריזיס איז געוואָרן אַזוי רעאַל און ממש אומפֿאַרמיידלעך — אַז מען האָט פֿאַרזען אַ ריי נעבן־דערשיינונגען פֿון דער גאַנצער „טראַנזאַקציע" און איר הינטערגרונט. קאָן זיין, אַז די דאָזיקע קלייניקייטן שפּיגלען מערער אָפּ דעם פּאַרנעם פֿון דער געשעעניש, וואָס איז „טרוקן" געשילדערט געוואָרן אין „דער שפּיגעל". מיר מיינען דאָ קודם כּל דעם דערשיטערנדיקן פֿאַקט, אַז דער הויפּט־מעקלער צווישן די חיפֿהער גראַנאַטן־פֿאַבריקאַנטן און די דייטשישע קליענטן איז אַ געוויסער זאַבלודאָוויטש, אַ לאָדזשער ייד, וואָס האָט פֿינף יאָר געלעבט אין נאַציִשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און דורכגעגאַנגען אַלע שבעת מדורי גהינום בעת דער אָקופּאַציע. אין קעגנזאַץ צו די געליטענע פֿון יענער תּקופֿה, וואָס האָבן געשוווירן קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן וואָס עמלק האָט זיי געטאָן, האָט זאַבלודאָוויטש, אין זיין גייִעג נאָך געלט, אויך זיך דערטראַכט צו אַ „נאַציאָנאַלער" נקמה איבער די דייטשן: צושטעלן זיי געווער פּראָדוצירט דורך אַ פֿאָלק, איבער וועמען זיי האָבן אַרויסגעטראָגן אַ טאָטאַלן טויט־אורטייל... ס'איז אָבער אָנצונעמען, אַז אַזאַ פֿאַרשוין וואָס האָט צוניפֿגעפּאָרט אַ פֿינלענדישע גזעלשאַפֿט מיט אירס אַ לוקסעמבורגער פֿיליע צו ליפֿערן ישׂראלדיקע גראַנאַטן פֿאַר דער מערב־דייטשישער אַרמיי — האָט לגמרי נישט אין

זינען געהאַט וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע צי פּערזענלעכע נקמה־געפילן. אַזעלכע געוויסנלאָזע קאָסמאָפּאָליטן און אינטערנאַציאָנאַלע געווער־סוחרים האָט די וועלט פאַרמאָגט אין אַלע צייטן — און זאַבלודאָוויטש אַלס פּרט האָט ווידעראַמאָל באַשטעטיקט דעם כּלל.

זיין מעקלערײַ וואָלט אָבער נישט ווערט געווען קיין שמעק טאַבאַק, אויב ער זאָל נישט האָבן געהאַט דערצו דעם אַנטשפּרעכנדיקן באָדן: אַ ווידער זיך באַוואָפנדיקע דײַטשישע אַרמיי און מדינות וואָס זענען גרייט העלפן אויסשטאַטן פון קאָפּ ביז פיס דעם מערב־דײַטשישן סאָלדאַט.

## גרויס איז דײַטשלאַנדס ווידערבאַוואָפענונג

און דאָ קומען מיר צו צום צווייטן "פּאַרזעענעם" מאָמענט פון דעם גאַנצן פּראָבלעם: אַז דער מאַסשטאַב פון דער דײַטשישער באַוואָפענונג איז געוואָרן אַזוי גרויס, איר אַרמיי צעוואַקסט זיך מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז די רעסטאַווירטע קרופּ־פאַבריקן און די גוט־אַוועקגעשטעלטע דײַטשישע געווער־פּראָדוקציע, באַזאַמען מיט די מעכטיקע ליפערונגען מצד נאַט"אָ — זענען פּשוט נישט אימשטאַנד אָנצוזאָגן דעם טעמפּאָ פון דער דאָזיקער באַוואָפענונג. והראיה — מדינת ישראל, אַליין אַ גרויסער נצרך אויף כּלי־זין, און דערצו נאָך אַ גאַנץ קנאַפּער געווער־פּראָדוצענט — איז אויך געוואָרן אַן אַדרעס פאַר דײַטשישע איינקויפונגען פון אַמוניציע.

דער געוועזענער שעף פון ישראלדיקן גענעראַל־שטאַב, אלוף משה דיין, האָט בעת זיין ראַדיאָ־געשפּרעך מיט ד"ר מ. באַדער דערקלערט: "השאילה לא מדאיגה אותי". דאָס הייסט — די פראַגע פון באַוואָפענען דײַטשלאַנד באַזאָרגט אים נישט. דאָס איז נישט סתּם אַ זאָג, נאָר אַ גאַנצע פילאָזאָפיע פון יענער אויטאָריטעט אין מפּא"י, וואָס איז אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דער דײַטשישער ווידערבאַוואָפענונג, הגם מען קאָן נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע זאָרגלאָזיקייט איז אַ פּאָלקאָמע. אים גייט אין לעבן איבערצוצייגן, אַז ישראל, באַזאַמען מיט אַנדערע מדינות, מעג געבן איר צושטייער דער אויסשטאַטונג פון אַ דײַטשער אַרמיי... ..

## געלט און פּרעסטיזש

אָבער דאָ קומט אויך צו אַ "פינאַנסיעלער" אַרגומענט. אויף דער דאָזיקער קאָרט שטעלט דער עיקר דער איצטיקער פינאַנס־מיניסטער: "דו באַרייכערסט מיך" — איז געווען זיינע אַ באַמערקונג מיט דריי חדשים צוריק, ווען דער פּרעמיער האָט אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג באַריכטעט, אַז די געווער־טראַנזאַקציעס פון זיכערהייט־מיניסטעריום וועלן אַריינברענגען דער מלוכה־קאַסע כּך וכך דאָלאַרן. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די ישראלדיקע פינאַנסן האָט אין דער יידישער געווער־ליפערונג פאַר היטלערס יורשים דערזען נישט מער ווי אַ הכנסה־פּאָזיציע אין בודזשעט, נאָך אַ ביסל אויסלענדישע וואַלוטע, אין וועלכער דער אוצר נייטיקט זיך.

נאָר אַלעמען האָט איבערגעשטיגן דער פּרעמיער אַליין, וואָס שטיצט זיך אויף ריין "לעגאַליסטישע", פאָרמעלע צי האַלב־קאָנסטיטוציאָנעלע טעמים. אַזוי־ווי ער האָט מיט אַ האַלב יאָר צוריק באַריכטעט דער רעגירונג וועגן באַפאָרשטייענדיקע געווער־ליפערונגען פאַר איייניקע אייראָפּעישע לענדער, אַריינגערעכנט מערב־דײַטשלאַנד, און קיינער פון די מיניסטאָרן האָט בשעתו נישט רעאַגירט — איז איצט אַלץ אין אָרדענונג. דאָס געווער מוז מען צושטעלן, דעם באַטרעף דאַרף מען אָפּנעמען — אַפילו ווען די קאָאַליציע זאָל ווערן אויפגעריסן, אַפילו ווען דער פּרעמיער זאָל ווידער אַוועק אויף התבודדות אין שׂדה־בוקר. אַזוי לעבנסוויכטיק און דרינגענד איז געוואָרן דאָס רעאַליזירן די דײַטשישע באַשטעלונג אויף אונדזערע גראַנאַטן — אַז דער ענין איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן שפּיץ מעסער: אָדער דער פּרעמיער — אָדער מקיים זיין דעם הסכּם. זיין פּרעסטיזש, זיין כּלומרשטער "לעגאַליזם", די שטרעבונג אָנצווואַרפן זיין רצון דער אייגענער פּאַרטיי, די שותּפים אין דער קאָאַליציע און אַפילו דער אָפּאָזיציע — דאַרף זיין שטאַרקער, וואָגיקער און איבערצייגעוודיקער ווי ענינים פון געוויסן, מאָראַל און לאָגיק.

אַפילו זיין פּסלען פון פאָרויס די רעכט פון כּנסת צו אַנולירן דעם הסכּם, ווי דאָס איז אַרויסגעברענגט געוואָרן פאַרן קאָרעספּאָנדענט פון "ניו־יאָרק טיימס", האָט באַוויזן, אַז דער ענין

פון געווער־עסק איז גיכער געוואָרן אַ פּרעסטיזש־פראַגע פון זיכערהייט־מיניסטער, וואָס איז דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַדורכפירן די טראַנזאַקציע. דערפאַר איז נישט קיין ווונדער, אַז מיר זענען דערגאַנגען צום בזיונדיקן ספּעקטאַקל פון פאַרעפנטלעכן סטענאָגראַמעס פון רעגירונג־זיצונגען; דערפאַר דאָס אַרומשמייען פון געוויסע פּאַרטייען אַרום דעם ענין, הגם נישט שטענדיק האָבן זיי פאַרן אויג דעם אמתן אינטערעס פון פאָלק; דערפאַר די אײַליקייט פון מק״י מיט איר אומצוטרוי־וואָטום דער רעגירונג; דערפאַר דאָס הילכיקע און נישט־איבערצײַגעוודיקע שרייען פון ״חירות״.

### די דאָפּלטע אחריות

צוויי קאָאַליציע־פּאַרטייען — מפא״י און פּראָגרעסיווע, ווי אויך די אָפּאָזיציאָנעלע ציונים כלליים זענען פאַרן אַדורכפירן דאָס עסק. די אַנדערע צוויי קאָאַליציע־פּאַרטייען — מפ״ם און אחדות־העבודה — זענען קעגן דעם הסכם און פאָדערן זײַן באַלדיקע אַנולירונג, באַזאַמען מיט כמעט דער גאַנצער אָפּאָזיציע. שוין איצט, ביים שרייבן די דאָזיקע שורות, צייכנט זיך אָן אַ מערהייט פאַר בן־גוריונס שטעלונג און אַ מינדערהייט פאַר די קעגנער פונעם אָפּמאַך. און אין די טעג וועלן מיר אוודאי זוכה זײַן צום דאָפּלטן זיג פון פּרעמיער: א) באַשטעטיקן דעם געווער־הסכם מיט באָן; ב) אויפלייזן די קאָאַליציע פון די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען, נאָך העכער דריי יאָר פירן דעם רעגירונגס־רודער אין אַנטשיידנדיקע מאָמענטן פאַר דער מדינה.

עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז אויסער דער באַשטעטיקונג פון דעם אָפּמאַך, איז מפא״י אויך אויסן געווען אויפצולייזן די איצטיקע קאָאַליציע. עס איז שוין אַ טראַדיציע, אַז עטלעכע חדשים פאַר די כנסת־וואַלן, שפּרינגט ווער אַרויס פון קאָאַליציע־וואָגן, אָדער דער וואָס זיצט אויף דער קעלניע — באַזייטיקט עמעצן פון די מיטפאָרער... די דערפאַרונג האָט אָבער באַוויזן, אַז די ״אַרויסשפּרינגער״ האָבן דערפון נישט געוווּנען ביי די וואַלן, נאָר דווקא פאַרשפּילט. אויך דער קעלניע־זיצער האָט שטענדיק פאַרלוירן שטימען און מאַנדאַטן.

אַ האַרבע און שווערע אחריות נעמען אויף זיך די וואָס נעגירן דאָס האַרץ, געפילן, באַוווסטזיין און איינשטעלונג פון דער מערהייט פון פאָלק. און נישט ווייניקער קלענער איז זייער אחריות צוליבן אַריינוואַרפן דאָס לאַנד אין אַ האַרבן וויכוח, דערפירן צו אַ רעגירונגס־קריזיס און געבן אַ געלעגנהייט דעם רעכטן לאַגער צו פּראַוון וואַל־דעמאַגאָגיע.

דאָס פאָלק וועט וויסן ריכטיק אָפּצושאַצן די דאָזיקע דאָפּלטע אחריות, וועלכע דער פּרעמיער און זײַן פּאַרטיי נעמען אויף זיך.

(י״ש ת״א, 2.6.59)

## קפּריסין געזען פון ישראל — היינט און מיט 10 יאָר צוריק

מיט צוויי טעג צוריק האָט אין לאָנדאָן זיך אָנגעהויבן די קאָנפערענץ פון די פּרעמיערן און אויסערן־מיניסטאָרן פון גרויס־בריטאַניע, גריכנלאַנד און טערקיי, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון דער גריכישער און טערקישער באַפעלקערונג פון קפּריסין, כדי פינאַליזירן און באַשטעטיקן דעם הסכם צווישן אַטען און אַנקאַראַ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין ציריך. לויטן דאָזיקן הסכם, זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ סווערענע מדינה אויפן אינדזל, די אַרענע פון בײַזאַיצטיקע, פאַרשאַרפטע, פּאָליטישע שלאַכטן און באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן צווישן דריי מלוכות. אויב אין לאָנדאָן וועט אַלץ גיין כשורה, וועט איינע פון אונדזערע נאָענטע שכנים זיך באַפרייען פון פּרעמדער הערשאַפט און אַרויף אויפן וועג פון זעלבשטענדיקייט.

פיר יאָר צייט דויערט דער קאַמף פון די גריכישע איינוווינער אויפן אינדזל קעגן די ענגלישע הערשער, וואָס געוועלטיקן דאָרט העכער 80 יאָר. די פאָדערונג פון די גריכן איז געווען זייער א באַשיידענע, מענטשלעכע און פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט — אן אבסאָלוט באַרעכטיקטע: אויב די בריטישע אינדזלען געהערן צו די ענגלענדער, דאַרף ציפערן באַלאַנגען — צו די גריכן. נאָר די זעלבע ענגלישע באַצווינגער, וואָס האָבן מיט גוטן און מיט בייזן זיך אָפּגעטראָגן פון א ריי קאָלאָניעס און מאַנדאַט־געביטן אין אזיע, אפריקע און דרום־אמעריקע, האָבן אין ראַיאָן פון מיטללענדישן ים, און באַזונדערס נאָך איר מפּלה אין סועץ, נישט געוואָלט הערן וועגן ענדערן דעם דורך זיי אויפגעצוווּנגענעם סטאַטוס־קוואָ אויפן אינדזל. אויף יעדן קאַמפּס־אַקט פון דער אונטערערדישער אי. אָ. קאַ., האָט דער ענגלישער מושל געענטפערט מיט טעראָר, תפיסה, טויט־אורטיילן, אויסנאַם־צושטאַנד און הויז־אַרעסט אין גאַנצע ישובים און שטעט. דער גייסטיקער מנהיג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, דער אַרציבישאָף מאַקאַריאָס, איז פאַרטריבן געוואָרן פון ציפערן און מוז אָפּריכטן גלות אין דער פרעמד. צוליב דעם זענען אויך ביז גאָר פאַרשאַרפט געוואָרן די באַציוּנגען צווישן לאָנדאָן און אַטען, הגם ביידע מלוכות באַלאַנגען צו איין פּאָליטיש־מיליטערישער פאָרמאַציע וואָס הייסט — צפון־אַטלאַנטישער פּאַקט.

גלייך דאָס אַלץ וואָלט געווען ווייניק, איז אויף דער אַרענע דערשינען א דריטער פּאַרטנער — נישט דווקא קיין באַרויִקנדיקער, פאַרמיטלענדיקער אָדער נייטראַלער. גראָד א קעמפערישער, מיט איבערטריבענע פאָדערונגען און אַמביציעס, וואָס האָט נאָך מער קאָמפּליצירט די לאַגע און אויסערלעך געשאַפן דעם איינדרוק, אַז א פרידלעכע לייזונג פונעם קפריסין־פּראָבלעם זעט אויס צו זיין אומווארשיינלעך. דאָס איז די טערקישע עדה אויפן אינדזל, וואָס בילדעט בלויז 20% פון די 531 טויזנט איינוווינער דאָרט. זיי זענען געווען קאַטעגאָרישע קעגנער פון איבערגעבן די גריכן די אויסשליסלעכע הערשאַפט איבערן אינדזל. די אָפטע, בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די גריכן און טערקן און ניקאָסיאַ און אַנדערע ערטער, האָבן נאָך א שותף פון נאַט״אָ — טערקיי, אַוועקגעשטעלט אין א האַרבן ריס מיט לאָנדאָן און אַטען.

פון פאַרשידענע זייטן האָט מען געמאַכט באַמיוּנגען צו לייזן דעם קריזיס. פּאָל הענרי ספּאַק, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון נאַט״אָ, האָט מערער אויס חשבונות פון זיין אָרגאַניזאַציע, ווי אויס זאָרג פאַרן פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון די ציפערן־איינוווינער, אָנגעהויבן פאַרמיטלען אינעם סיכסוך — נאָר אָן דערפּאָלג. די אונ״אָ האָט אויף עטלעכע פּרוכטלאָזע זיצונגען באַהאַנדלט דעם ענין — און מער ווי א פאַרעוועע רעזאָלוציע, האָט זי נישט געקאָנט און נישט געוואָלט אָנעמען. די אָפּאָזיציאָנעלע לייבאָר האָט אין ענגלאַנד אויפגעהויבן א שטיקל טומל אַרום קפריסין — נאָר מיט דעם האָט עס זיך געענדיקט. דערפאַר איז גרויס געווען די אַנטוישונג און שוואַך דער גלויבן, אַז צווישן דעם משונהדיקן דרייעק ענגלאַנד־גריכנלאַנד־טערקיי, זאָל מען דערגיין צו א געוויסן טאָלק וועגן ווייטערדיקן גורל פון אינדזל.

און מיטאַמאָל איז געשען דער ״נס״: בלויז זעקס טעג זענען זיך געזעסן די אויסערן־מיניסטאָרן פון גריכנלאַנד און טערקיי אין א שווייצאַרישער שטאָט — און מען האָט יאָ געפונען אַן אויסוועג: קפריסין ווערט א זעלבשטענדיקע מלוכה, נישט קיין טייל פון גריכנלאַנד און אויך נישט פון טערקיי. דער פּרעזידענט וועט זיין א גריך, דער וויצע־פּרעזידענט — א טערק, מיט וועטאָ־רעכט אין ערנסטע פראַגן. קליינע מיליטערישע איינהייטן פון ביידע לענדער וועלן זיך דאָרט געפינען. דערביי ווערט געזיכערט די פּאָזיציע פון ענגלאַנד (און פון נאַט״אָ).

אויך אין דעם פאַל איז קלאָר, אַז נאָר ביי דירעקטע אונטערהאַנדלונגען, קאָנען אפילו שאַרף צעקריגטע צדדים געפינען א געמיינזאַמע שפּראַך, ווי מיט דער הילף פון פאַרמיטלערס.

אַז מיר קוקן אויף דער דאָזיקער אַנטוויקלונג פון ישראלדיקן שטאַנדפונקט, זעסטו, ווי זי איז ממש אָפּגעמאָסטן פאַר די יידיש־אַראַבישע באַציוּנגען אין ראַיאָן. נאָר דירעקטע אונטערהאַנדלונגען, אָן פאָרבאַדינגונגען, זענען בכוח צו דערפירן צו באַרויִקונג און פאַרשטענדיקונג, ביז א שלום־אָפּמאַך, צווישן דער יידישער און אַראַבישע מדינות. זיכער דאַרפן

דערצו שטרעבן **ביידע צדדים**. אָן פאָרבאהאלטן, שנאה, פאָרורטיילן און חשבונות, וואָס **אנדערע** וועלן זאָגן. נאָר שוין־זשע דארף מען האלטן, אז דאָס וואָס איז געשען צווישן אטען און אנקארא, קאָן נישט פּאסירן צווישן ירושלים און קאיר? אוודאי דארף מען גובר זיין טויזנטער שוועריקייטן. קודם כל וואָלט באדארפט אויפהערן דער באוואָפענונג־געיעג אין ראיאָן, דורך אָפּשטעלן די אומאויפהערלעכע געוועהר־טראנספּאָרטן פון מאָסקווע, וואשינגטאָן, לאָנדאָן און פּאריז, ווי אויך דעם פּאָליטישן פלירט פון די דאָזיקע הויפּט־שטעט מיט די מדינות פון דעם ראיאָן. מעגלעך, אז א סך וואסער וואָלט נאָך געמוזט אָפּשווימען אין ירדן, אויף דער וואָלגע, אין דער מיסיסיפּי און טעמזע, איידער אזא קאָנפערענץ פון א ישראל־אראבישן "רונדן טיש" וואָלט צושטאנד־געקומען. אָבער דער ביישפּיל און "נס" קפריסין באווייזן, אז כלומרשט אוממעגלעכע זאכן, קאָנען ווערן מעגלעך.

*

דער איצטיקער פאל קפריסין האָט נאָך א באלערנדיקן ביישפּיל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם אינדזל מיט... 10 יאָר צוריק.

אין חודש יאנואר 1949 זענען פון ציפּערן באפרייט געוואָרן די לעצטע צען טויזנט "אומלעגאלע יידן וואָס האָבן געשפּאלטן ימען", וועמען די בריטישע מאנדאט־מאכט אין ארץ־ישראל פלעגט אָפּפירן אויפן אינדזל, מיט צוואנג זיי אינטערנירן דאָרט אין לאגערן. די פּרשה קפריסין אין אונדזער נייער באפרייונגס־געשיכטע איז איינע פון די העלדישסטע, דראמאטישסטע און גלייכצייטיק פּיינפולסטע קאפּיטלען. דעם דראנג פון א גאנץ פאָלק צו באהעפטן זיך מיט זיין לאנד, האָבן די ענגלישע הערשער געוואָלט פארשפּארן הינטער די שטעכל־דראָטן פון מיליטערישע קעמפּס. נאָר צו גרויס איז געווען דער דרוק און קאמף פון די מעפּילים גופא, דער אָפּקלאנג אין דער וועלט און דער עצם פאקט, וואָס מדינת ישראל איז געוואָרן א יש, אז די ענגלענדער זאָלן קאָנען ווייטער אָנגיין מיט זייער אנטי־הומאניטארער ציפּערן־פּאָליטיק לגבי דער שארית־הפליטה.

דאָס איז געשען, ווי געזאָגט, מיט 10 יאָר צוריק. און פּונקט ווי מ׳האָט דעמאָלט, טראָץ די גזירות פון פארבאָט און באגרענעצונג עולה צו זיין — דורכגעבראָכן אלע מויערן און פאָרשריפטן און א מאסן־עליה קיין ישראל איז געוואָרן א פאקט, — אזוי אויך שטייען מיר היינט פאר א דערשיינונג פון א מעכטיקן עליה־שטראָם פון א לאנד, וואָס האָט בשעתו זיך אויסגעוויזן אלס לאנד פון "פארלוירענע האָפענונגען אויף עליה". ווייל וועלכע **פרעמדע** כוחות זענען עס אימשטאנד זיך קעגנצושטעלן דעם ווילן פון א גאנץ פאָלק, וואָס רייסט זיך מיט אלע קרעפטן צום אייגענעם לאנד, צו פרייהייט און זעלבשטענדיקייט?

...די דערשיינונג קפריסין היינט און מיט 10 יאָר צוריק, געזען פון ישראלדיקן שטאנדפּונקט, דערוועקט נישט נאָר שטימונגען און געדאנקען, נאָר אויך — האָפענונגען און אויסזיכטן. אָבער פונעם ביישפּיל קפריסין היינט און מיט 10 יאָר צוריק — וואָלטן אויך געמעגט זיך אראָפּנעמען א מוסר־השכל די רעגירונגען פון אונדזערע שכנים.

(י״ש ת״א, 19.2.59)

# אויף די שליאכן מאָסקווע — וואשינגטאָן און ירושלים — קאיר

דאָס אייז פונעם קאלטן קריג האָט זיך דאָך א ריר געטאָן — אזא געפיל הערשט איצט אין דער וועלט, נאָך די דערמוטיקנדיקע ידיעות וועגן באשטימטן באזוך פון סאָוויעטישן פרעמיער נ. כרושטשאָוו אין די פאראייניקטע שטאטן און א באלדיקער רעוויזיט פון פרעזידענט אייזענהאוער אין מאָסקווע. נישט געקוקט אויף אלע שווארצזעערייען בנוגע א באוואָפנטן צוזאמענשטויס צווישן ביידע וועלט־בלאָקן, טראָץ דער ביזאיצטיקער פרוכטלאָזיקייט פון דער זשענעווער קאָנפערענץ פון די אויסערן־מיניסטאָרן און דעם כסדר וואקסנדיקן באוואָפענונגס־געיעג — איז פאראן דער באוווסטזיין, אז די וואָס אנטשיידן וועגן גורל פון דער מענטשהייט, וועלן זיך טויזנט מאל איבערלייגן, איידער ארויסרופן מלחמה. דערפאר האָט די אָנגעשפאנטע ליניע אויפן שליאך מאָסקווע־וואשינגטאָן עטוואָס נאָכגעלאָזט. אנשטאט דער שפראך פון דראָונגען — הערן מיר א לשון פון פאַרהאנדלונגען, צוזאמענטרעפן און בפירושע אָנצוגעהערענישן וועגן א פרידלעך צוזאמענלעבן.

*

אין דער זעלבער צייט ווען אַזעלכע צוויי קעגנזיצלעכע און צעקריגטע צדדים האָבן עטוואָס אראָפגעלאָזט פונעם מלחמה־טאָן און גענומען שפּילן לויט פרידלעכע נאָטן, טראָגט זיך נאָך אַלץ פון די אַנדערע אַראַבישע לענדער דער בייזער געוויטער פון אַנטי־ישראלדיקער שנאה און גיפט. מען דערמאָנט שוין נישט די "לייזונגען" וועגן צוריקנעמען די פליטים, וועגן אַרומשניידן די גרענעצן, וועגן אַ "קאָרידאָר" אין נגב און צום חיפהער פּאָרט, אָדער "אינטערנאַציאָנאַליזירן" ירושלים. די אַלע לאָזונגען מיט וועלכע די אַראַבישע הערשער האָבן זיך באַנוצט אין די לעצטע צען יאָר, זענען כמעט פאַרשוווּנדן פון זייער לעקסיקאָן. הײַנט הערט מען אַן אַנדערע שפּראַך.

אויף די פייערונגען לכבוד דעם זיבעטן יאָרטאָג פון דער מצרישער איבערקערעניש, האָט דער הערשער פון דער פאַראייניקטער אַראַבישער רעפּובליק דערקלערט, אַז "מצרים וואַרט מיט אומגעדולד אויפן מאָמענט ווען זי וועט זיך קאָנען פאַרמעסטן אין דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט מיט ישראל, כדי זי פאַרטיליקן". און טראָץ דעם וואָס ראַדיאָ באַגדאַד לאַכט אָפּ פון נאַצערס באַרימערייען וועגן זיינע דערפאָלגן בעת דער סיני־אַקציע און מאַכט צו קליינגעלט זיינע אַנטי־ישראלדיקע דראָונגען, שטערט דאָס אָבער נישט דעם גענעראַל קאַסעם, וואָס האָט אויך ערשט נישט לאַנג געפראַוועט דעם ערשטן יאָרטאָג פון זיין קומען צו דער מאַכט, צו האָפן, אַז "ישראל וועט מען נישט איינברעכן מיט רעדעס און דראָונגען, נאָר מיט אַ 'בליץ־אָנגריף'."

אויסער די דאָזיקע רייד, זענען מיר אויך עדות פון פאַרשטאַרקטע אַנטי־ישראלדיקע **מעשים**. ביז איצט איז נאָך נישט אַנטשיידעט געוואָרן צום גונסטן די פראַגע פון אומגעשטערטן ישראלדיקן שיפס־פאַרקער דורכן סועץ־קאַנאַל און די פאַרהאַלטענע שיף "אינגאַ טאָפּט" איז נאָך אַלץ אַרעסטירט, נישט געקוקט אויף די פּערזענלעכע אינטערווענצן פון אונ"אָ־סעקרעטאַר. נאַצער גרייט אויך אַן אַראַבישע "שפּיצן־קאָנפערענץ" וואָס וועט דער עיקר זיך באַשעפטיקן מיטן ישראל־פּראָבלעם. ערשט די טעג האָט נישט ווייט פון דער לבנונער הויפּטשטאָט זיך געעפנט אַ קאָנפערענץ פון 9 אַראַבישע מדינות, געווידמעט דעם בויקאָט קעגן ישראל. די עיקר־אויפגאַבע פון דעם צוזאַמענטרעף — אויסברייטערן און פאַרטיפן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן חרם קעגן אונדזער מדינה און קעגן פירמעס און געזעלשאַפטן פון אַנדערע לענדער, וואָס זענען אין האַנדלס־באַציונגען מיט ישראל.

*

די שנאהדיקע ווערטער פון די אַראַבישע הערשער כלפּי ישראל, האָבן פולשטענדיקע דעקונג אין זייערע האַנדלונגען און אין ווייטערדיקע פּלענער. די אַטמאָספער איז אַזוי פאַרסמט, דער האַס

איז אַזוי איינגעבאַקן, אַז יענע וואָך האָבן מיר אפילו דערלעבט דעם שענדלעכן אָפּענעם צוזאַמענשטויס און געשלעג צווישן דער לבנונער יוגנט־דעלעגאַציע אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־פֿעסטיוואַל אין ווין מיט די אַראַבישע יוגנטלעכע פֿון דער מק״י־דעלעגאַציע פֿון ישראל. אויסגעבראָכן איז דאָס אַלץ אויף אַ גאָר אומשולדיקן אופֿן, ווען די אַראַבער פֿון מק״י האָבן פֿריינטלעך פֿאַרבעטן צו זייער טיש די לבנונער דעלעגאַטן, מיט וועמען מען האָט געגעסן אין איין רעסטאָראַן אין דער עסטרייכישער הויפּטשטאָט. אויף דער העפֿלעכער ווענדונג איז געקומען אַן ענטפֿער, אַז מיט פֿאַרעטער זיצן מיר נישט צוזאַמען. אַזאַ באַליידיקונג האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן אַן אַראַבישער מק״יסט — און אויף צו דעמאָנסטרירן זיין פּאַטריאָטישקייט נוסח נאַצער אָדער מיקוניס, האָט ער אויף זיך צעריסן זיין העמד. אָבער לבנונער יוגנטלעכע פֿון קאָמוניסטישן חדר, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון פֿרידן און פֿעלקער־פֿאַרברידערונג, זענען נישט נתפּעל געוואָרן פֿון אַזאַ דראַמאַטישער האַנדלונג — און אָנגעהויבן וואַרפֿן טעלער און בענקלעך אויף די ישראלדיקע פֿאָרשטייער. נאָר אַ דאַנק דער אריינמישונג פֿון דער אָנוועזנדיקער חלוצישער יוגנט, וואָס האָט צעטיילט די צדדים, איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ בלוטבאָד, אויב נישט קיין קרבנות, ווייל מען האָט שוין אויך געפֿאָכעט מיט מעסערס...

קיין שום אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענקונפֿט האָט נישט דערלעבט צו אַזאַ שענדלעך בילד, ווי דאָס וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט אין ווינער רעסטאָראַן. ס׳האָט אָבער באַשטעטיקט דעם אַלטן כלל, אַז מען זייעט ווינט — שניידט מען שטורעם. בלויז די אַנטי־ישראל פּראָפּאַגאַנדע און העצע אין די אַראַבישע לענדער, דערמוטיקט אויך דורך דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אויפֿן נאָענטן מזרח, האָט געמוזט דערפֿירן צו אַ קאַטעגאָרישן ״ניין״ און צו פֿויסטן אפילו מצד קאָמוניסטיש דערצויגענער יוגנט פֿון אַזאַ כּלפּי אונדז מעסיק לאַנד, ווי לבנון — אויף דער חברישער און מענטשלעכער איינלאַדונג מצד אידעען־חברים פֿון אַ צווייט לאַנד. גענוג אָבער, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד זאָל הייסן ישראל — און שוין זאָל מען זיך דערפֿון אָפּקערן ווי פֿון קרעציקע...

(י״ש ת״א, 6.8.59)

## ״פּרעמיערן־דיפּלאָמאַטיע״

אין פֿאַרצייטיקן אַטען זענען נישט געווען קיין פּראָפֿעסיאָנעלע דיפּלאָמאַטן. די שליחים פֿון דער אַנטיקער גריכישער מלוכה זענען אויסגעקליבן געוואָרן אויף פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען, דאָרט האָבן זיי באַקומען אָנווייזונגען פֿאַר זייער טעטיקייט און דערנאָך, פֿאַר די זעלבע אסיפֿות, האָט מען באַדאַרפֿט באַריכטן וועגן דער אָפּגעטוענער אַרבעט. אַן אַדורכפֿאַל פֿון דער שליחות האָט געדראָט מיט גאָר האַרבע שטראָפֿן...

אין צווישנצייט איז דיפּלאָמאַטיע געוואָרן אַ גאַנצע וויסנשאַפֿט, מיט פֿיל דערפֿאַרונג און אויפֿטוען. נאָר אַבסאָלווענטן פֿון אַ דיפּלאָמאַטישער שול, מיט הויכער ערודיציע, שפּראַכן־קענטעניש, אוניווערסיטעט־דיפּלאָם און פֿיינע מאַניערן, ווערן קוואַליפֿיצירט אַלס רעפּרעזענטאַנטן פֿון זייערע רעגירונגען אין אַנדערע לענדער. היינטצייטיקע דיפּלאָמאַטיע פֿאָרמירט די באַציונגען צווישן לענדער און פֿעלקער, אַנטוויקלט (אָדער צוימט) פֿריינדשאַפֿט און שלום אויף דער וועלט.

פֿאַראַן אָבער געוויסע מאָמענטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, ווען דער דיפּלאָמאַט גייט צוריק צו דער פֿונקציע פֿון אַ ״בכבודיקן בריווטרעגער״, ווי מען פֿלעגט אַמאָל מיט חוזק באַצייכענען אַ פֿאָרשטייער פֿון אַ פֿרעמדער מדינה, כּדי מאַכן פּלאַץ פֿאַר צוזאַמענטרעפֿן אויפֿן

הויכן שטאַפּל צווישן קיניגן, פּרעמיערן, אויסערן־מיניסטאָרן. אמאָל זענען אזעלכע הויכע באַגעגענישן אַן אויסדרוק פון פאַלשער קורטואַזיע צי אויפריכטיקער פריינדשאַפט, אַן אַנדערש מאָל — אויסצוגלייכן מיספאַרשטענדנישן, אָדער פּרווון פאַרשיטן תהומען...

אויך דער אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון אַקטיווער דיפּלאָמאַטישער טעטיקייט מצד אזעלכע אָנגעזעענע הערשער אין אייראָפּע, ווי דער דייטשישער ווילהעלם דער צווייטער, דער רוסישער ניקאָליי דער צווייטער און דער ענגלישער עדוואַר דער זיבעטער. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען מיר געווען עדות פון דיפּלאָמאַטישע קאָנפערענצן צווישן אזעלכע דריי אויטאָריטעטן, ווי טשערטשיל, רוזוועלט און סטאַלין. ווייל "פּרעמיערן־דיפּלאָמאַטיע" גיט בלויז צו קראַפט און האַפט זייערע באַשלוסן און העלפט אויף אַ שנעלערן און עפעקטיווערן אופן לייזן פּראָבלעמען, וואָס ביי די געוויינלעכע פאָרשטייער פון די באַזונדערע רעגירונגען, וואָלט עס גענומען חדשים און יאָרן.

אין די לעצטע צייטן מערקט זיך א ביז גאָר פארשטאַרקטע דיפּלאָמאַטישע טעטיקייט אויפן הויכן שטאַפּל. די געוויינלעכע דיפּלאָמאַטישע מלאכה איז אַרויסגענומען געוואָרן פון די דערצו באַרופענע און באַשטימטע פּערזאָנען און איבערגעגאַנגען צו די רעגירונגס־שעפן. נאָר דאָסמאָל — מיט דער בפירושער טענדענץ זיך צונויפצוריידן, געפונען א בשותפותדיקע שפּראַך צווישן זיך און א געמיינזאַמע לייזונג צו פאַרמיידן א דריטע וועלט־מלחמה.

נאָכן באַזוך פון בריטישן פּרעמיער אין מאָסקווע איז אָוועק אַ סעריע כרושטשאָווס נסיעות קיין אַמעריקע און אין אַ ריי אזיאַטישע מלוכות; איטאַליעס פּרעזידענט פאָרט אין דער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט; דע־גאָל גרייט זיך אין וועג אריין — קיין לאָנדאָן און וואַשינגטאָן; דער סאָוויעטישער רעגירונגס־שעף איז איצט דער גאַסט פון פראַנצויזישן פּרעזידענט; אדענאַוער האָט נאָר וואָס פארלאָזט די פאַראייניקטע שטאַטן און פירט שוין געשפּרעכן "אויפן הויכן שטאַפּל" מיטן יאַפּאַנישן פּרעמיער; אייזענהאַוער וועט נאָך היינטיקן זומער באַזוכן דעם ראַטנפאַרבאַנד און ערשט מיט געציילטע וואָכן צוריק, ווי ער האָט פאַרענדיקט א רייזע איבער דער וועלט, זייענדיק דער גאַסט אין פיל אזיאַטישע, אייראָפּעישע און דרום־אַמעריקאַנער לענדער; אויך טשאָ ען־ליי, דער פּרעמיער פון כינע, וועט וואַרשיינלעך באַזוכן ניו־דעלהי, כדי פּרווון זיך אויסגלייכן מיט נערון וועגן דעם גרענעץ־שטרייט. און אחרון אחרון — די פיר גרויסע: כרושטשאָוו, אייזענהאַוער, מעקמילען און דע־גאָל, גרייטן זיך צו טרעפן — אין אַ מזלדיקער שעה — אויף דער לאַנג־דערוואַרטעטער און געגאַרטער שפּיצן־קאָנפערענץ.

אין אָנבליק פון אזעלכע קאָנטאַקטן און פאַרהאַנדלונגען צווישן די העכסטע מלוכהשע אויטאָריטעטן, באַזונדערס ערב דער שפּיצן־קאָנפערענץ, ווו מען וועט נישט נאָר קאָנפערירן וועגן שלום און אנטוואָפענונג, נאָר מ'האָט אויך א ברירה צו פאַרזען אָדער נעגירן די אינטערעסן פון קליינע פעלקער און לענדער — איז געווען פולשטענדיק אויפן אָרט דער באַשלוס פון דער ישראל־רעגירונג אויסצונוצן די פּריוואַטע נסיעה פון פּרעמיער בן־גוריון, אין שייכות מיטן באַקומען דעם ערן־דאָקטאָראַט פונעם בראַנדייס־אוניווערסיטעט, פאַר א פּאָליטישער שליחות און צוזאַמענטרעפן מיט יענע אויטאָריטעטן אין דער וועלט־פּאָליטיק און זיי אויפצוקלערן אונדזערע ענינים פון זיכערקייט, ווירטשאַפט,שלום מיט די שכנים און אַלע אַנדערע — ווי מיר פאַרשטייען זיי. אוודאי איז נישט אָפּצופרעגן אָדער פאַרמינערן די דערגרייכונגען פון דער יונגער ישראל־דיקער דיפּלאָמאַטיע אין די פאַר. שטאַטן און אין ענגלאַנד, אָבער די "מאָדע" פון "פּרעמיערן־דיפּלאָמאַטיע", פונקט ווי פיל אַנדערע מאָדעס, ווייניקער וויכטיקע און נוצלעכע, האָט אויך דערגרייכט אונדזער לאַנד. דערפאַר די אַלגעמיינע צופרידנקייט פון אזא "דאָקטערישער" נסיעה אין צווי וויכטיקע הויפּשטעט, בפרט נאָך, אז סיי אייזענהאַוער און סיי מעקמילען, האָבן זיך לגמרי

נישט גערעכנט מיטן פּריוואַטן כאַראַקטער פון בן־גוריונס באַזוך און אים געגעבן אוידיענצן, ווי עס פּאַסט פאַר אָפיציעלע געסט. ווי האָט אַמאָל געזאָגט דער פאַרשטאָרבענער דזשאָן פאָסטער דאַלעס: "דער אונטערשייד פון אַ אָפיציעלן גאַסט ביז אַן אומאָפיציעלן באַשטייט דערין, וואָס דעם ערשטן פאַרבעט מען אויף אָוונט־ברויט און דעם צווייטן — אויף אַ מיטאָג".

פונדעסטוועגן איז די סאַטיספאַקציע פון "אומאָפיציעלן מיטאָג" ביי אייזענהאַוערן פאַרשטערט געוואָרן מיט דער גאַנץ אָפיציעלער באַגעגעניש צווישן דוד בן־גוריון און קאָנראַד אַדענאַוער. טיילן פון דער יידישער, ווי דער נישט־יידישער וועלט האָבן דערין געזען אַ פּגם אין אַלגעמיינעם אָנשטרענג צו אַנטשפּאַנונג און צונויפפאַריידונג, וואָס בלויז די באָן־רעגירונג מיט איר קאַנצלער זענען דערצו אַ שטערונג; און אַ פאַרלעצונג אין די הייליקסטע געפילן פון דער שארית־הפליטה, ווייל אויך ניו־יאָרק האָט בן־גוריון, פּונקט ווי מיט אַ צייט צוריק אין ירושלים, געפּרוווט מטהר זיין דעם שרץ... דערפאַר איז די דיפּלאָמאַטישע דערגרייכונג פון זיינע באַגעגענישן אין וויסן הויז, פאַרבלאַסט געוואָרן צוליבן צוזאַמענטרעף אין האָטעל "וואַלדאָרף־אַסטאָריאַ". די באַרימטע ניו־יאָרקער אכסניה פאַר מלוכה־מענער און דיפּלאָמאַטן, איז זעלטן וווּ געווען עדות פון אַזאַ **אומנייטיקן, אומגעלומפּערטן און לעסטערדיקן צוזאַמענטרעף**, ווי דער וואָס איז מיט אַ וואָך צוריק פאָרגעקומען צווישן באָנער קאַנצלער און ירושלימער פּרעמיער. דאָסמאָל האָבן מיר דעם איינדרוק, אַז די דיפּלאָמאַטיע אויפן "הויכן שטאַפּל", איז געשטאַנען גאָר־גאָר נידעריק...

און אַ שאָד. טאַקע די לאַגע אין אונדזער ראַיאָן, מיט איר פּולווער־פאַס און געפאַר פאַר שטענדיקע צוזאַמענשטויסן, פאָדערן פון מדינת ישראל אָפּגעהיטנקייט אין אירע באַציונגען מיט דער גרויסער וועלט. אוודאי זענען מיר נישט שולדיק אין דער געשאַפענער סיטואַציע אויפן מיטעלן אָריענט, ווו גראָד דער מזרח און דער מערב האָבן ווייניק געטאָן פאַר סטאַביליזאַציע און באַרויקונג. אָבער נייטראַליטעט, פאָרזיכטיקייט און שלום־איניציאַטיוו — קאָנען אונדז תמיד ברענגען מער נוצן, איידער שאָדן.

אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר ריכטיק וואָס אַ טייל צייטונגען האָבן געשריבן, אַז בן־גוריון זאָל האָבן געעצהט די אַמעריקאַנער ווי די דייטשישע מנהיגים אַרויסצוווייזן האַרטנעקיקייט אין זייערע צוקונפטיקע פאַרהאַנדלונגען מיטן מזרח־בלאָק; אויב, חלילה, דער ישראלדיקער זיכערהייט־מיניסטער האָט ווידער געגעבן אָנצוגעהערענישן וועגן באַהעפטן אויף וועלכן ס'איז אופן די צה"ל־כוחות מיטן נאַט"אָ־מיליטער; אויב אונדזער "דיפּלאָמאַט פון העכסטן ראַנג" האָט זיך געוואָלט איינבעטן אין דער "אַטלאַנטישער משפחה" — מיינט דאָס אַן **אָפּשוואַכונג** פון די גערעכטע פאָדערונגען און פּראָבלעמען, וואָס זענען אוודאי אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַרן פּרעזידענט פון די פאַר. שטאַטן און דעם בריטשן פּרעמיער. אין אונדזערע קאָנטאַקטן מיט די גרויסמאַכטן — דאָרט ווו מען וויל אונדז אויפנעמען אוןריידן — דאַרף אַקצענטירט ווערן די פראַגע פון **נייטראַליטעט, פון אַנטוויקלען דאָס לאַנד, אויפנעמען עליה, אַ שלום־איניציאַטיוו מיט די שכנים.**

גענוג צו דערמאָנען, אַז נאַצער האָט שוין צוויי מאָל באַזוכט מאָסקווע און דאָרט אויפגענומען געוואָרן מיט קיניגלעכן פּאַראַד; ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין אינדיע און איצט גרייט ער זיך ווידער צו זיין דער גאַסט פון נערוּ; אויך דער מצרישער דיקטאַטאָר האָט איינגעזען, אַז "פּרעמיערן־דיפּלאָמאַטיע" איז נישט אַזאַ שלעכטע זאַך. און געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאָרויסגעזען, אַז כדי איינצוהאַלטן די באַרימטע גלייכגעוויכט, וועט אויך נאַצער בקרוב זיך אַראָפּכאַפּן קיין אַמעריקע, אפשר צוליב אַן "ערן־דאָקטאָראַט", כדי אויפגענומען צו ווערן דורכן פּרעזידענט אייזענהאַוער. בלויז כלפּי ישראל האָט ער אַ קאַטעגאָרישן ניין. ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָט ער אין קאַיר דערקלערט, אַז עס קומט נישט אין באַטראַכט זיינער אַ צוזאַמענטרעף

מיט בן־גוריונען. זיינע רייד אידענטיפיצירן זיך מיט די באַשולדיקונגען פון דער סאָוויעטישער פרעסע און ראַדיאָ וועגן ישראלס אימפּעריאַליסטישע אינטריגעס, מלחמה־פּאַרשווערונגען און אַגרעסיע־פּלענער כלפּי די שכנים.

אויך מאָסקווע און וואַשינגטאָן האָבן געהאַט צווישן זיך גאָר הארבע חשבונות. גענוג בייז בלוט האט זיך אָנגעזאַמלט בייביידע גרויסמאַכטן. פונדעסטוועגן האט עס נישט געשטערט דעם מאָסקווער מנהיג ארויסצופליען קיין וואַשינגטאָן און ווארטן אויף א רעוויזיט פון אייזענהאוערן. און הגם דער וועג קאַיר — ירושלים איז פיל נענטער, איז אָבער דער מהלך פון א באגעגעניש בן־גוריון — נאַצער זייער א וויטער.

פרעמירן־דיפּלאָמאַטן פון דער איצטיקער תקופה קאָנען פאַרגליכן ווערן צו די אין אַטען אויסגעקליבענע פאָלקס־שליחים, וואָס ווען דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון זייער טעטיקייט. קלאָר, אַז ביי אַ דורכפאַל — דראָט זיי אַ שטראָף... און דאָס וואָלטן באַדאַרפט געדענקען די אלע, וואָס האלטן איצט אין אַרומפאָרן אין נאָמען פון זייערע פעלקער.

(י״ש ת״א, 24.3.60)

# א יאָר פון איבערבעטונג

אין די צענדליקער, אויב נישט הונדערטער פאָרמען און נוסחאות פון די ראש־השנה ווונטשן, חזרט זיך שטענדיק איבער דאָס וואָרט שלום. און נישט עפּעס ווי אַ קאַזיאָנע וואָרט, מעכאַניש איבערגעקייט און באַנוצט אין אַן ערב יומטוב, נאָר אַלס ממשותדיקער, אויפריכטיקער ווילן פון דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט און אין דער מדינה. ווייל ווער נאָך ווי אחינו בני ישראל נייטיקן זיך אין פרידן — אויף דער וועלט, מיט די שכנים דאָ און ווי נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די תפוצות? וועלכעס פאָלק האָט נאָך אַזאַ בלוטיקן אינטערעס אין שלום — ווי מיר?

אויב אונטערציען אַ סך־הכל פונעם אָפּגעלאָפענעם יאָר תשכ״ב, לאָזט זיך מערקן אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג: בעת אויף דער גרויסער וועלט, אין ראַיאָנען, ווו די אַנטאַגאָניזמען און ווידעראַנאַנדן צווישן פעלקער און לענדער זענען אַפילו דערגאַנגען צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, צו לאַנגיאָריקע מלחמות און צו גיפטיקער שנאה — שטאַרקט זיך די טענדענץ פון שלום און איבערבעטונג, פון פאַרשיטן תהומען און זיצן ביים פאַרהאַנדלונג־טיש; דאַקעגן אין אונדזער ראַיאָן, צווישן מדינת ישראל און די אַראַבישע לענדער, איז נישט דערגרייכט געוואָרן קיין שום ממשותדיקע ענדערונג. דער אַראַבישער באָיקאָט און חרם קעגן אונדז פאַרשטאַרקט זיך, די שנאה און רעוואַנזש־פּלענער פון אַ ״צווייטער רונדע״ זענען נישט פאַרשווונדן און בנוגע אונדזערע באַציאונגען מיט די שכנים, שטייען מיר אויפן זעלבן אָרט ווו מ׳האָט זיך אָפּגעהאַלטן אין יאָר... 1948. אַן ענלעכע לאַגע, נאָר מיט אַ פיל באַדייטנדיקער שטייגערונג, זעט זיך איצט אין די תפוצות, ווו יידן זענען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר פון נעאָ־נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם.

א

נעמט, צום ביישפּיל, די זיבניאָריקע מלחמה צווישן אַלזשיריע און פראַנקרייך. וויפל בלוט איז דאָרט פאַרגאָסן געוואָרן, וויפל פייניקונגען האָבן געהאַט אויסצושטיין די אַלזשירישע אויפשטענדלער, אַ וואָסער ים פון שנאה האָט אָפּגעטיילטביידע פעלקער? היינט ווייסט מען, אַז ווינציקסטנס איין צינד־פונקט אויף דער וועלט איז איינגעשטילט, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד האָט דערגרייכט זעלבשטענדיקייט. ביידע צדדים זענען מיד געוואָרן פון דעם חורבן — און נאָכן אָפּזיצן אין עוויאַן לאַנגע חדשים ביים פאַרהאַנדלונגס־טיש, איז דערגרייכט געוואָרן אַ הסכם.

אַן ענלעך בילד האָבן מיר געהאַט אין דעם סיכסוך צווישן אינדאָנעזיע און האָלאַנד איבער מערב־גווינעאַ. דזשאַקאַרטאַ איז גרייט געווען צו אַנגאַזשירן זיך אין אַ באַוואָפנטן קאָנפליקט, געשיקט אַפילו פּאַראַשוטיסטן און קריגס־שיפן. אָבער אין דער אונטערשטער שורה איז מען אַדורכגעקומען. סיי די רעגירונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, סיי די אונ״אָ, האָבן אַקטיוו פּאַרמיטלט צווישןביידע רעגירונגען און אַ מלחמה אין יענעם ראַיאָן איז אויסגעמיטן.

פּאַראַן איצט אויפן אַזיאַטישן מזרח נאָך צוויי צינד־פּונקטן וואָס טראָגן אין זיך געפאַרן פון אַ באַוואָפנטן צונויפשטויס: דער גרענעץ־סיכסוך צווישן פאָלקס־כינע און אינדיע און דער געשפּאַנטער, ממש אומקאָפּראָמיסלעכער צושטאַנד צווישן פאָרמאָזע און פּעקין. פונדעסטוועגן גלויבט נישט קיינער, אַז צווישן די צוויי וועט דערגיין צו אַ באַוואָפנטן צונויפשטויס. אויך פּעקין און דעלהי וועלן דעם צווייטן חודש זיצן ביי איין טיש און פּרובירן מיט פרידלעכע מיטלען רעגולירן זייער גרענעץ־שטרייט, וואָס האָט ערשט די טעג געקאָסט מענטשלעכע קרבנות.

פון דער צעריסענער און צעבלוטיקטער קאָנגאָ טראָגט זיך די בשורה, אַז טשאָמבע וועט סוף־כל־סוף מוזן נאָכגעבן דעם דרוק פון אונ״אָ און אומקערן קאַטאַנגאַ אונטער דער הערשאַפט פון דער צענטראַלער רעגירונג אין לעאָפּאָלדוויל. בנוגע דעם קריזיס אַרום בערלין, איז פאַר קיינעמען קיין סוד, אַז טראָץ די דעקלאַראַציעס און דעמאָנסטראַציעס, באַגלייט אויך מיט פּראָוואָקאַטיווע אַרויסטרעטונגען, וויל מען אַדורכקומען אויף פרידלעכע וועגן. אויך מאָסקווע און וואַשינגטאָן, מזרח־בערלין און באָן, זענען איינגעשטעלט אויף געשפּרעכן. די וועלט איז מיד פון מלחמות און דער פּחד פאַר אַן אַטאָמישן קריג מיט זיין חורבן, צווינגט צו באַזינונג און צוריקהאַלט.

ב

צי מעגן אויך מיר, אין אונדזער ראַיאָן און אין אונדזער איצטיקן צושטאַנד מיט די אַראַבישע שכנים, זיין שותפים צו דעם דאָזיקן אָפּטימיזם וואָס הערשט אויף דער וועלט? ענטפערן אויף דער פראַגע מיט אַ הונדערט־פּראָצענטיקן יאָ — איז באמת שווער. סיי די פאַרשטאַרקטע אַנטיסעמיטישע העצע אין עטלעכע גרויסע דעמאָקראַטישע לענדער, ווי די אומקאָמפּראָמיסלעכע שפּראַך פון די אַראַבישע הערשער כלפּי ישראל, מוזן בעל־כורחו אַרויפפירן אויפן געדאַנק, אַז אויך אין דעם פאַל קומט אַלץ פאָר "קראָמיע יעוורעיעוו", אויסער יידן. די פרידלעכע טענדענצן אויף דער וועלט האָבן נישט צו אונדז קיין שייכות, זיי שפּרייזן אַריבער דעם ראַיאָן, באָיקאָטירן אַזעלכע מעטראָפּאָליעס, ווי לאָנדאָן, ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס און מאָנטעווידעאָ, וווּ ראַסן־שנאה און נעאָ־נאַציזם בושעווען איצט אומגעשטערט.

עס איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען קיין איינער פון די איצטיקע אַראַבישע מנהיגים, וואָס זאָל וואַגן אונטערכאַפּן די אויסגעשטרעקטע ישראל־האַנט נאָך שלום; וואָס זאָל זיך באַפרייען פון די קאַזיאָנע אַנטי־ישראל דעקלאַראַציעס וועגן אַ "צווייטער רונדע" און וועגן "שליידערן אין ים אַריין"; וואָס זאָל רופן אַנדערע אַראַבישע הערשער צו רעכענען זיך מיט דערווירקלעכקייט און אָנהייבן טראַכטן וועגן אַ "רונדן טיש" צווישן פאָרשטייער פון ירושלים, קאַיר, דמשק, ראַבאַט־אמאָן,ביירוט און באַגדאַד. זייער האַס צו מדינת ישראל, זייער נעגירן דעם עצם קיום פון דער יידישער מדינה אין משך פון העכער 14 יאָר, איז דערגאַנגען נישט נאָר צו אַ סיסטעמאַטישן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן באָיקאָט, נאָר זיי געלינגט אַפילו צו פאַרשליסן די טויערן פון דזשאַקאַרטאַ פאַרן אָנטייל פון אונדזערע ספּאָרטלער אין אַזיאַטישע פאַרמעסטן; די אָפטע שיסערייען און קרבנות ביי דער סירישער גרענעץ, די אויסברוכן פון ירדנער לעגיאָנערן אויף די מויערן פון ירושלים, די אַריינדרינגלעריי פון מצרים צוליב גניבות, רויב, סאַבאָטאַזש און שפּיאָנאַזש — דערמאָנען אונדז כסדר, אַז הגם מיר האָבן אין יאָר 1948 געוווּנען די מלחמה און אין יאָר 1956 געזיגט אין דער סועץ־קאַמפּאַניע — איז צו אַ שלום מיט די שכנים נאָך זייער ווייט.

דער מיטעלער מזרח איז פאַר די לעצטע 15 יאָר געווען אַן אַרענע פון אומאויפהערלעכע ענדערונגען און איבערקערענישן. רעזשימען האָבן זיך געביטן, די צוריקגעשטאַנענע אַראַבישע

מדינות האָבן געמאַכט גרויסן פּאָרשריט, נאַצער רעדט איצט אַ סך וועגן "אַראַבישן סאָציאַליזם". מאָנאַרכיעס און פעאָדאַלע הערשער זענען אַראָפּ פון דער אַרענע — אָבער די שנאה און חרם כלפּי ישראל איז פאַרבליבן. ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען אין דער סועץ־קאַמפּאַניע געווען נישט־ווייניקער אַנגאַזשירט ווי ישראל — אָבער לאָנדאָן און פּאַריז האָבן שוין באַנייט, אָדער האַלטן ביים באַנייען, זייערע דיפּלאָמאַטישע און עקאָנאָמישע באַציאונגען מיט אַלע אָן אויסנאַם אַראַבישע לענדער, וועלכע זענען מיט זיי ברוגז געוואָרן אין אָקטאָבער 1956. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט נישט אויפגעהערט האַנדלען מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד צוליב זייער באַפאַלן מצרים מיט זעקס יאָר צוריק. ר׳האָט אָבער צו יענער צייט אויפגעהערט קויפן אונדזערע מאַראַנצן און פאַרקויפן זיין נעפט, וואָס ציט זיך אַזוי ביזן היינטיקן טאָג. און אויב אַמעריקע האָט לעצטנס עטוואָס געענדערט איר פּאָליטיק אין דעם ראַיאָן, איז עס געשען אויפן חשבון און לרעה מדינת ישראל...

## ג

מק"י איז גליקלעך, וואָס אַזעלכע אַנטוויקלונגען און דערשיינונגען קאָן זי צושרייבן נאָר דער פאַלשער פּאָליטיק פון דער בן־גוריון־רעגירונג. מפּא"י דאַקעגן איז "טיף איבערצייגט", אַז מאָסקווע מוז זיין אַ שטענדיקער שונא פון יידישן פאָלק און פון דער מדינה, גלייך עס וואָלט קיינמאָל נישט געווען קיין גראָמיקאָ־דערקלאַראַציע אין יאָר 1947 און אַקטיווע הילף אין אונדזער באַפרייאונגס־קריג מיט אַ יאָר שפּעטער. מיר דאַקעגן ווען דערקלערן די ענינים אויף דעם אופן, אַז אויב די איבערבעטונגס־ווינטן האָבן זיך נישט דערטראָגן אין אונדזער ראַיאָן, זענען אין דעם שולדיק, אין דער ערשטער ריי, דער עגיפּטישער דיקטאַטאָר, קאָלאָנעל נאַצער; די אַנדערע אַראַבישע הערשער, וואָס טראָגן זייערע קעגנזייטיקע אַנטאַגאָניזמען, אייניקט זיי דער אַנטי־ישראלדיקער פראָנט; די גרויסמאַכטן און די אונ"אָ. עס איז אָבער אויך די שולד פון דער ישראל־רעגירונג, וועלכע האָט איר פּאָליטיק אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע געפירט לויט אַן איינזייטיקער אָריענטאַציע אויפן מערב, מיט איר באַהאַנדלען די מינדערהייטן אין ישראל און די איבערטריבענע "זיכערהייט־פּאָליטיק", וואָס האָט דערפירט צו רעוואַנזש־אַקציעס און אַקטיוויזם, וועלכע האָבן אין עטלעכע פאַלן נישט געהאַט קיין באַרעכטיקונג, נאָר געשטאַרקט בלויז די אַזוי אויך געגנוג שטאַרקע שנאה, אומצוטרוי און פאַרדאַכטן מצד די אַראַבישע הערשער.

אָט איז זיך איצט צונויפגעקומען די פול־פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער. צווישן די 89 פּונקטן וואָס געפינען זיך אויפן סדר־היום, איז אויך דאָסמאָל פאַראַן דער סטאַבילער פּונקט: ארץ־ישראל. און דאָס מיינט: די פּליטים, פראַגן פון וואַסער, אונ"אָ־כוחות אין עזה־ראַיאָן און... דירעקטע פאַרהאַנדלונגען צווישן די צדדים. אינטערעסאַנט: גראָד אַמעריקע פאָדערט פון אונדז זיך אָרויסשלאָגן פון קאָפּ אַזאַ געדאַנק, ווי אַ דירעקטער משא־ומתן צווישן ישראל און אירע שכנים. אַ "רונדער טיש" אויפן נאָענטן מזרח איז, לויט דער קאָנצעפּציע פון סטייט־דעפּאַרטמעט — נאָך פריצייטיק, נישט אַקטועל, און דער בלויזער פאָרשלאַג וועט דערווייטערן דעם שאַנס פון איבערבעטונג, אַנשטאָט אים דערנענטערן. אַזאַ מיינונג האָט די אַמעריקאַנער אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק, ווייל זי אידענטיפיצירט זיך מיט דער שטעלונג פון... די אַראַבישע לענדער. דעם זעלבן שטאַנדפּונקט, הגם אין אַ מער שאַרפערער פאָרם, האָט אָנגענומען מאָסקווע. אַז דאָס איז נישט קיין ענין פון פּאָליטישער אָריענטאַציע, נאָר פון פּשוטן אָפּאָרטוניזם, כדי ווילגעפעלן די אַראַבער, באַווייזט דער פאַקט, אַז ערשט די טעג האָט כרושטשאָוו אויפגענומען גאָר פריינטלעך און וואַרעם דעם פאָרשטייער פון דער פעאָדאַלער סאַודיע אין אונ"אָ, אַכמעד שוקיירי, און זיך מיט אים צוזאַמענגערעדט וועגן אַ בשותפותדיקער סאָוויעטיש־אַראַבישער האַנדלונג אויף דער איצטיקער אונ"אָ־סעסיע. שוקיירי, דער סאַמע אויסגעלאַסענער אַנטי־ישראל העצער און רעפּרעזענטאַנט פון אַ מדינה ווו עס הערשט נאָך שקלאַפן־האַנדל און אַ מיטלאַלטערלעכער פעאָדאַלער רעזשים, איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביים סאָוויעטישן פּרעמיער, בעת מען הערט נישט און מען זעט נישט, אַז עמעץ פון די אָפיציעלע

ישראל־פאָרשטייער זאָל זוכה זיין אויפגענומען צו ווערן אין קרעמל און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן צו דער פאַרפּירונג, פאַרדעכטיקייט און להכעיס־פּאָליטיק אין די באַציאונגען צווישן ירושלים און מאָסקווע.

אויך פון פּאַריז טראָגן זיך נישט קיין דערמונטערנדיקע ידיעות. מיטן פאַרענדיקן די אַלזשירישע מלחמה, האָט פראַנקרייך זיך איבערגעבעטן מיט די אַראַבישע לענדער און וועט אודאי איבעראָריענטירן איר גאַנצע פּאָליטיק כלפּי ישראל. ווער ווייסט צי פראַנקרייך וועט אונדז נישט אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע ווי אַמעריקע, פאַרן טרייען דינען איר אין אונ״אָ און פאַרן געבן מצד ישראל פּאָליטישע און מאָראַלישע שטיצע אָן אַ גרענעץ און אָן באַוואָרענישן. אַזאַ האַנדלונג פון אַ גאַר נאָענטן ישראל־פריינט, פונקט ווי די האַנדלונגען פון די אַנדערע גרויסמאַכטן, וועלן זיכער נישט ווייכער מאַכן דאָס האַרץ פון די אַראַבישע הערשער.

ד

אַ פיינע טראַדיציע צו ווינטשן זיך ערב ראש־השנה: אַ יאָר פון בוי, פון יצירה, פון עליה און קליטה, פון שלום, פון געזונט, פרנסה אאז״וו. אויב אַ ווונטש דאַרף יאָ אַמאָל מקוים ווערן, וואָלט מיין ברכה צום נייעם יאָר געווען: זאָל דאָס זיין **אַ יאָר פון איבערבעטונג** — כלפּי די יידן אין די תפוצות, **אַ יאָר פון איבערבעטונג** מצד אונדזערע אַראַבישע שכנים מיט ישראל, **אַ יאָר פון איבערבעטונג** פון די גרויסמאַכטן לגבי דער יידישער מדינה.

אויב מען וועט אין יאָר תשכ״ג זיך איבערבעטן מיט אונדז און דערגיין צום געגאַרטן שלום, מעג מען זיכער זיין, אַז דאָס וועט שפּעטער מיט מער שוווּנג דערפירן צו עליה, צו יצירה, צו בנין.

(י״ש ת״א, 26.9.62)

# זיי ווילן ניט דערצערנען די אראבער...

צווי געשעענישן לעצטנס אין אינדיע און אין דייטשלאַנד בנוגע ישראל, האָבן ווידער אַמאָל באַוויזן אויף ווי ווייט רעגירונגען פון גרויסע און קליינע מדינות, מאַכן פריער דעם אַראַבישן חשבון, איידער זיי ווילן אונטערנעמען וועלכע ס׳איז שריט אין באַצוג צו דער יידישער מדינה. דער ״ישראלדיקער אינטערעס״ איז פאַר זיי אויף אַזוי פיל וויכטיק, אויף וויפל ער וועט ניט דערצערנען אונדזערע שכנים און אַרויסברענגען פון די כלים זייערע מנהיגים...

ערשט אין 17־טן יאָר קיום פון מדינת ישראל, האָט די מערב־דייטשע רעגירונג באַוויליקט אָנצוקניפּן נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ירושלים. געטאָן איז עס געוואָרן ניט צוליב דעם חרטה־געפיל פון די יורשים פונעם ״דריטן רייך״, אָדער צוליב זייער אויפריכטיקן ווילן זיך אָפּצוטרייסלען און אָפּגרענעצן פון דער ניט־וווייטער שוידערלעכער טראַגעדיע, וואָס האָט געקאָסט די לעבנס פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. ביזן דערלאַנגען די אויסטויש־נאָטעס וועגן באַציאונגען, האָבן די דייטשן גענומען אין חשבון... די 40 מיליאָן אַראַבער. ווען ס׳איז שוין געפאַלן זייער באַשלוס צו עפענען אין תל־אביב אַ דייטשע אַמבאַסאַדע, איז עס גיכער געווען אַ צו־להכעיס נאַצערן, ווייל ער האָט פאַרבעטן וואַלטער אולבריכט קיין קאַיר, און ווייל עטלעכע אַראַבישע לענדער האָבן געהאַט בדעה איינצושטעלן באַציאונגען מיט מזרח־דייטשלאַנד.

שוין נאָך דעם ווי ד״ר פאולוס און אשר בן־נתן האָבן אין ביידע שטעט, ווו זיי זענען אַקרעדיטירט געוואָרן, איבערגעגעבן זייערע באַגלויבונגס־פּאַפּירן, האָט באָן אַלץ געטאָן, אַז די ״נאָרמאַליזאַציע״ צווישן ביידע לענדער זאָל ניט צופיל רייצן די אַראַבער. דערפאַר ״גייט מען שווער צום קינד״ מיט די ווירטשאַפטלעכע פאַרהאַנדלונגען און דערפאַר אויך האָט דער מערב־דייטשער אויסערן־מיניסטער, שרעדער, דער קעגנער ביז איצט אָנצוהאַלטן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ישראל, אַהער געשיקט אויף די פאַראַנטוואָרטלעכסטע אַמטן דעם געוועזענעם

ווערמאַכט־אָפיציר פּאולוס און דעם געוועזענעם נאַצי־דיפּלאָמאַט ד״ר טערעק. געוועזן דערביי צוויי כוונות: ערשטנס, זאָלן די יידן זיך קרעקן מיט אַזעלכע צוויי ״העכט״ — און אפשר אַליין שטויסן צום איבערייסן די איינגעשטעלטע באַציאונגען. צווייטנס, איז ישראל אַן אויסגעצייכנט אָרט ריינצווואַשן דעם היטלעריסטישן שרץ...

אויסער דעם, דאַרף היינטיקע וואָך אין ירושלים געחתמעט ווערן דער לעצטער פּראָטאָקאָל וועגן די ״שילומים״. נאָכן באַקומען די צוגעזאָגטע אַנטשעדיקונג און פאַרגיטיקונג, איז דאָך אוודאי באַצאָלט געוואָרן פאַר די זעקס מיליאָן קרבנות... זאָלן די יידן און זייער מדינה אויפהערן איינריידן זיך און אַנדערע, אַז די דייטשן זענען זיי נאָך אַלץ שולדיק, אַז זיי מעגן פאָדערן פון באָן אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג, באַזונדערע פּריווילעגיעס.

וועגן דעם אַלעמען האָט מען אין דער דייטשער פעדעראַלער פּאָליטיק ניט גערעדט מיטן פולן מויל און אויפן הויכן קול. נאָר אָט האָט דער 90־יאָריקער געוועזענער קאַנצלער ד״ר קאָנראַד אַדענאַוער, וועלכער דאַרף אין צווייטן חודש קומען אויף אַ באַזוך קיין ישראל, דערקלערט דעם קאָרעספּאָנדענט פון ״ידיעות אחרונות״, וועגן אַ מעגלעכן צוזאַמענטרעף אשכול־ערהארד:

— איך מיין, אַז דאָס איז שלעכט. מיט דעם קאָן מען ווידער דערצערנען די אַראַבער, וואָס איז נישט גוט פאַר אונדז און אַפילו נישט פאַר ישראל...

די מעשה פון ״נישט דערצערנען די אַראַבער״ האָט ניט אַדענאַוער אַליין צוגעטראַכט און ס׳איז אויך נישט קיין ריין דייטשער פּאַטענט. אויף דער אָנפראַגע פון עטלעכע דעפּוטאַטן און אינדישן פּאַרלאַמענט וועגן דער באַליידיקנדיקער באַציאונג צום מדינה־פּרעזידענט ז. שזר, וועלכער האָט אין זיין נסיעה קיין נעפּאַל, געמוזט לאַנדן אין קאַלקוטאַ, האָט דער אויסערן־מיניסטער פון אינדיע זיך פאַרופן אויף דער ״טראַדיציאָנעלער פריינדשאַפט צו די אַראַבער״ און איז אויך ניט נתפעל געוואָרן, ווען מ׳האָט דער רעגירונג פון אינדיראַ גאַנדי פאָרגעוואָרפן, אַז זי איז אַ ״נאָכשלעפּערין פון קאַיר״. אינדיע האָט ביז היינט ניט באַוויליקט אַפילו איינשטעלן נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ישראל.

גאַנדי, נערו און שאַסטרי, האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט ריידן וועגן שלום און קאָ־עקזיסטענץ, וועגן סוווערענע רעכט פון פעלקער, אומבאַרירלעכקייט פון זייערע גרענעצן און וועגן אָפּהיטן דעם אונ״אָ־טשאַרטער און אונ״אָ־באַשלוסן. אויך אַנדערע גרויסע פּאָליטיקער האָבן שטענדיק פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל, ווען מ׳האָט גענומען שיטן מיט מליצות וועגן פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון מענטשן און לענדער. איז מען נאָר צוגעקומען צו ישראל — האָט דער ״אראַבישער חשבון״ צונישט געמאַכט אַלע שיינע רייד.

ביי אָפּשטימונגען אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס; ביים באַשטימען דאָס זיצאָרט און צוזאַמענשטעל פון אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און צוזאַמענקונפטן; ביים באַהאַנדלען דעם אָנטייל פון ישראלדיקע ספּאָרטלער, שאַכמאַטיסטן, וויסנשאַפטלער; ביים פּרווו אויסברייטערן די הילף פאַר ישראל, אָדער איינשטעלן מיט איר נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען — געלינגט דער אַראַבישער דיפּלאָמאַטיע, אָן באַזונדערע שוועריקייטן, איבערצוצייגן די באַשטימענדיקע פאַקטאָרן, אַז ישראל זאָל ווערן באָיקאָטירט.

18 גאָר גרויסע און קליינטשיקע מדינות האָבן ביז איצט נאָך ניט אָנערקענט די יידישע מדינה און האָבן ניט מיט איר קיין שום באַציאונגען. אַ טייל פון זיי טוען דאָס מיט סאַדיסטישער הנאה, מיט ראַפינירטער אויסרעכענונג, אויסטוענדיק זיך דערביי פון יעטוועדער געפיל פון יושר און עלעמענטאַרער אנשטענדיקייט. נעמט אַזאַ מעכטיקע פּאָלקס־כינע. וואָס האָבן זיי זיך אויף אונדז אָנגעזועצט? אמת, זי וויל אַריינשטעלן אַ פוס אויפן נאָענטן מזרח, ווערן אין דעם ראַיאָן אַ שטיקל דעה־זאָגער ווי וואַשינגטאָן און מאָסקווע, אַפילו זיי אַרויסשטויסן פון דאַנען — אָבער שוין־זשע מוז ישראליק זיין דער שעיר־לזעזאל? פון פעקין לאָזן זיך כסדר הערן בייזע, דראָענדיקע רייד און

דאָרט האָט מען מיט כבוד אויפגענומען אחמעד שוקיירי און אַפילו צוגעזאָגט פּאָליטישע און מיליטערישע הילף פאַר זיין אָרגאַניזאַציע.

אויך "כינע נומער 2" — פאָרמאָזע, האָט צוליב אַן אויסשליסלעך אַראַבישן חשבון, ניט אָנערקענט ביזן היינטיקן טאָג מדינת ישראל. דאָס זעלבע —ביידע וויעטנאַמס, ביידע קאָרעאַס, אינדאָנעזיע, פּאַקיסטאַן. צוליבן אַראַבישן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר דעם ציילאָנער טיי, האָט אויך פּרוי באַנדערענייקע איבערגעריסן מיט אונדז די איינגעשטעלטע באַציאונגען.

און וואָס איז דאָ אויסצובאַהאַלטן? אַזוי אויך מאָסקווע און וואַשינגטאָן, פּראַג און רוים, בודאַפּעשט און פּאַריז, בוקאַרעשט און לאָנדאָן — יעדער לויט זיין טעם און ריח, מאַכט זיך פריער אַ שטיקל אַראַבישן חשבון, איידער עס ווערן אָנגענומען באַשלוסן בנוגע ישראל. דער אַלט־יידישער זאָג "מה יאמרו הגויים" — וואָס וועלן זאָגן די אַראַבער, איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע קריטעריומס אין דער פּאָליטישער פירונג פון אַ סך גרויסע און קליינע מדינות.

נאָר אַמיינסטן רייסט די אויגן, דענערווירט און שאָקירט די האַנדלונג און האַלטונג פון מזרח־דייטשלאַנד. אויך יורשים פון דריטן רייך, הגם זיי האָבן ביי זיך איינגעשטעלט אַ לגמרי קעגנזעצלעכן רעזשים ווי אין מערב־דייטלאַנד, האָבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג ניט געענטפערט אַפילו אויף די פילמאָליקע ווענדונגען וועגן אַנטשעדיקונגען, ווילן ניט אָנערקענען דעם עצם קיום פון דער יידישער מדינה און זייער אַנטי־ישראלדיקע שפּראַך דעקט זיך פולשטענדיק מיט דער איינשטעלונג פון פּעקין, קאַיר און דמשק. אולבריכטס לעצטער באַזוך אין מצרים האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפער דערקלערונג קעגן ישראל. דער אָפיציאָז פון מזרח־בערלין, "נויעס דייטשלאַנד", האָט ערשט היינטיקע וואָך באַצייכנט מדינת ישראל אַלס "כנופיה פון ירושלים".

אמת, די טעג האָט אַ געריכט אין מזרח־דייטשלאַנד אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל איבערן ס.ס.־דאָקטאָר פישער, וועלכער האָט אין אוישוויץ געשיקט 75 טויזנט יידן אין די גאַז־קאַמערן. אָבער שוין־זשע דאַרף די זעלבע רעגירונג נישט וועלן אָנערקענען דאָס לאַנד, וואָס האָט אויפגענומען די געראַטעוועטע פון פישערס קרעמאַטאָריעס און די ניצול־געוואָרענע פון דער דייטשער מאָרד־מאַשין? אויסער אַלבאַניע, איז די רעגירונג אין פּאַנקאָוו די איינציקע פון אַלע סאָציאַליסטישע לענדער אין אייראָפּע, וואָס וויל אַפילו ניט הערן וועגן אָנערקענען און נאָרמאַליזירן די באַציאונגען מיט ישראל. פון דעם שטאַנדפּונקט, האָט אולבריכט אַרויסגעוויזן אַ סך ווייניקער איינזען, פאַרשטענדעניש, צי אַ ברעקל חרטה — איידער אַדענאוער. ווי שווער עס איז נישט אַרויסצוברענגען אַזעלכע ווערטער אויפן פּאַפּיר, איז עס ביי זיי נישט נאָר אַן אַראַבישער חשבון, נאָר אויך — אַן אַנטי־יידישער חשבון.

מיר מעגן זיין זיכער, אַז דער יידיש־אַראַבישער חשבון וואָלט היינט אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש, ווען ניט די אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק פון די גרויסמאַכטן און קלענערע מדינות. וואָלטן די וואָס שטייען בראש פון רעגירונגען אין מאָסקווע צי אין וואַשינגטאָן, אין פּעקין צי אין לאָנדאָן, אין בוקאַרעשט צי אין ניו־דעלהי, נישט אין זינען געהאַט דעם אַראַבישן חשבון — וואָלט אַ צוזאַמענטרעף צווישן אשכולן און נאַצערן פריער צושטאַנד געקומען, איידער אַ באַגעגעניש פון ישראלדיקן פּרעמיער מיטן מערב־דייטשן קאַנצלער.

פאַרן פּרייז פון ניט דערצערנען די אַראַבער, איז דער שלום אין דעם ראַיאָן זייער דערצערנט און אונטערגעבראָכן. שולדיק אין דעם איז ניט נאָר קאַיר און ירושלים, נאָר נאָך מערער — די וויכטיקסטע פּאָליטישע צענטערס אין דער וועלט...

(י"ש ת"א, 26.9.62)

# מערער שאָדן ווי נוצן

יאָר־איין יאָר־אויס, זינט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, געפינט זיך אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער אונ״אָ־פאַרזאַמלונג דער פונקט וועגן נאָענטן מזרח, וואָס מיינט קודם כל — מדינת ישראל. וואָלט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, מיט איר זיכערקייט־ראַט, אונדז געשאָנקען אַזוי פיל ליבע וויפל אויפמערקזאַמקייט — וואָלטן מיר אַוודאַי שוין געהאַט אַ שלום אין דעם ראַיאָן.ליידער, די איינזייטיקע באַשלוסן פון דאָזיקן וויכטיקן אינטערנאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, באַזונדערס בנוגע דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, ברענגען מערער שאָדן ווי נוצן פאַרן פרידן אויפן נאָענטן מזרח.

היי־יאָר איז ממש געשלאָגן געוואָרן אַ רעקאָרד מיט אַנטי־ישראלדיקע באַשלוסן און רעזאָלוציעס אנטקעגן די אונ״אָ־סעסיעס אין די יאָרן 1970 און 1971. נאָך דעם ווי ס׳איז אין דעצעמבער אָנגענומען געוואָרן דורך דער אַלגעמיינער אַסעמבליי די רעקאָמענדאציע פון 18 אַפראָ־אַזיאַטישע מדינות מיט אַ צוגאָב פון איין אייראָפּעישער — יוגאָסלאַוויע, האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער די יורידישע קאָמיסיע פון אונ״אָ ״באַגראָבן״ אין אַ סוב־קאָמיסיע דעם ענין פון אינטערנאַציאָנאַלן טעראָר. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם דאַרף מען פריער ״דערלערנען״, דעריבער וועט עס באַהאַנדלט ווערן ערשט אויף דער סעסיע פון 1973. און פרייטיק דעם 15טן דעצעמבער, אויף אַ נאָווינע, ווידער אַ באַשלוס פון 63 קעגן 10, ביי 49 אָפּגעהאַלטענע, אַז ״ישראל זאָל בטל מאַכן אַלע אירע ביז איצטיקע אַנעקסיעס און אויפהערן מיט נייע״...

מיט אונדזער גאַנצן סענטימענט, אַנערקענונג און דאַנקבאַרקייט פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, וועלכע האָט מיט 25 יאָר צוריק געגעבן דער יידישער מדינה איר יורידישן און לעגיטימען סטאַטוס אין די ראַמען פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ און געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אַנטשטייונג פון ישראל, האָבן מיר אין דער אָפּגעלאָפענער תקופה ניט געהאַט קיין נחת פון דעם ״גלעזערנעם פּאַלאַץ״ אין ניו־יאָרק. די הויפּט־אויפגאַבע פון דער אונ״אָ — צו זיין דער איניציאַטאָר, פאַרמיטלער און אפילו דעה־זאָגער ביים רעגולירן קאָנפליקטן צווישן פעלקער און מדינות, האָט זי קיינמאָל ניט דערפילט. אויב אין אַ סך ברענפּונקטן פון דער וועלט איז יאָ געקומען צו אַ צונויפפרייד און שלום, ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן, האָט אונ״אָ געהאַט מיט דעם אַמווינציקסטן צו טאָן. די גרויסמאַכן און קליינע מדינות האָבן תמיד געפונען אַ בשותפותדיקע שפּראַך און איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן, אויב זיי האָבן עס נאָר געוואָלט — אויסער דער אונ״אָ. מען איז דורכגעקומען אָן איר הילף, צי אַריינמישונג.

אויב צו דעם צוגעבן די טרויעריקע דערינערונג פון מאַי 1967, ווען או־טאַנט האָט אָן וואַקלענישן און געוויסנביסן קאַפּיטולירט פאַר נאַצערס פאָדערונג און אַוועקגענומען די אונ״אָ־כוחות פון עזה־ראַיאָן און פון שאַרם־אַ־שייך, וואָס האָט בלויז דערמוטיקט די עגיפּטער אין זייער אַגרעסיע — איז נאָך לייכטער צו פאַרשטיין ישראלס רעזערוואַציעס און באַוואָרענישן כלפּי דער דאָזיקער אַרגאַניזאַציע.

און נאָך עפּעס:

מיטן אָננעמען אַ נייעם מיטגליד אין דער אונ״אָ, איז כמעט תמיד צוגעקומען נאָך אַ שטים קעגן ישראל. ס׳האָט דיך באַהערשט אַ מאָדנע געפיל, אַז אונדזערע אַקציעס דאָרט האַלטן אין איין פאַלן. איז נישט קיין וווּנדער, הלמאַי אין לאַנד גופא און אויך אין דער רעגירונג זענען געבוירן געוואָרן פאַרדאַכטן, אומצוטרוי און אומגלויבן בנוגע די כוונות, ווי לגבי מעגלעכקייטן פון אונ״אָ. נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען בן־גוריון איז געווען זיכערקייט־מיניסטער און פּרעמיער, האָט ער אויפן אַדרעס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַר. פעלקער געלאָזט אַמאָל פאַלן זיין ביטולדיק־איראָנישן אויסדרוק ״אוּם — שמוּם״... און בעת די איצטיקע סעסיע האַט באַהאַנדלט די לאַגע אין אונדזער ראַיאָן, האָט אבא אבן גאָר געווײלט אין... קאָסטאַ־ריקאַ, און פאָרנדיק פון דאָרט קיין לאָנדאָן, האָט ער לגמרי אויסגעמיטן ניו־יאָרק.

ס׳איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך, אַז דער אַראַביש־אַפריקאַניש־אַזיאַטיש־סאָוויעטישער בלאָק אין אונ״אָ האָט דאָרט אַן אַבסאָלוטע, ממש דערדריקנדיקע מערהייט ביי יעטווועדער אָפּשטימונג.

ווי האָט דאָס אויף אַ סאַרקאַסטישן אופן געברענגט צום אויסדרוק אונדזער אויסערן־מיניסטער אין די איצטיקע טעג: „ווען מען לייגט היינט פאַר דער יוען די עשרת הדברות — וואָלט מען זיי דאָרט אויף זיכער אָפּגעוואָרפן"...

פון דעסטוועגן איז ניט געזונט, אפילו אומנייטיק „איבערציען דאָס שטריקל" בנוגע אונדזער צוגאַנג צו דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. דער עצם פאַקט וואָס מצרים און די אַנדערע אַראַבישע מדינות גייט אַזוי שטאַרק אין לעבן אַדורכצופירן דאָרט אַנטי־ישראלדיקע באַשלוסן און אַז אויך דער ראַטנפאַרבאַנד מיט זיינע סאַטעליטן באַנוצן זיך מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונע אין ניו־יאָרק אויף צו לאָזן הערן זייערע אָנפאַלן אויף דער יידישער מדינה און אויפן ציוניזם — איז אַ גענוג איבערצייגנדיקער אַרגומענט פאַר דער ישראל־רעגירונג צו טאָן אַלץ וואָס מעגלעך אויף אָפּצושוואַכן די פאַר אונדז פיינדלעכע שטימען און אָפּשטימונגען.

און דאָס ווערט טאַקע געטאָן. ווען ניט די דאָזיקע מי, ווער ווייסט ציס'וואָלט ניט אָנגענומען געוואָרן דער ערשטער נוסח פון די 18 „ניט אידענטיפיצירנדיקע" מדינות, וואָס האָט גערופן צו סאַנקציעס קעגן ישראל און צו באַלדיקן צוריקציען זיך פון די פאַרנומענע שטחים. אַנשטאָט דעם איז דאָך באַשטעטיקט געוואָרן אַ רעזאָלוציע מיט ווייכערע פאָרמולירונגען און אָפּגעטעמפּטער שאַרפקייט, הגם אין מהות — אַנטי־ישראלדיק און מיט אַ בולטן פראָ־אַראַבישן אַקצענט. מיט קיין איין וואָרט רעדט זיך ניט אינעם באַשלוס וועגן שלום־פאַרהאַנדלונגען, וועגן זעצן זיך צום טיש און אַדורכקומען. נאָר ווידער אַ דערמאָנונג, אַז די פול־פאַרזאַמלונג שטיצט די באַמיונגען פון ד"ר גונאר יאַרינג און אַז דער זיכערקייט־ראַט זאָל אָננעמען אַלע נייטיקע שריט צו אַ שנעלער און פולער רעאַליזירונג פון איר באַשלוס נומער 242 פון 22סטן נאָוועמבער 1967.

נאָר מיט אַ וואָסער ערנסטקייט קאָן מען זיך באַציען צו אַזעלכע באַשלוסן, אַז ווי נאָר מ'האָט זיי אָנגענומען, האָט ד"ר יאַרינג זיך גלייך געלאָזט אין וועג אַריין קיין... מאָסקווע, כדי ווייטער דערפילן דאָרט זיין אויפגאַבע אויפן אַמט פון שוועדישן אַמבאַסאַדאָר אין ראַטנפאַרבאַנד. און וואָס שייך דעם באַשלוס 242, איז ער אַזוי פאָרמולירט און ווערט אַזוי פאַרשידנאַרטיק און אפילו קעגנזעצלעך קאָמענטירט דורך דער אונ"אָ, איר פאַרמיטלער, אירע אַגענטורן און פאַרשידענע רעגירונגען, דער עיקר — פון מצרים און ישראל, אַז אַ סך וואַסער וועט אָפּפליסן אין נילוס און אין ירדן, ביז די צדדים וועלן דערגיין צו אַ טאָלק און ריכטיקן אויסטייטש פון יענעם באַשלוס מיט העכער 5 יאָר צוריק.

נאָר ווי אַזוי מען זאָל ניט קנעלן דעם באַשלוס 242, האָבן קאַיר, ירושלים און ראַבאַט־אַמאָן דעקלאַרירט זייער גרייטקייט צו באַזירן זייערע געשפּרעכן (אויב עס וועט צו דעם דערגיין) און שלום־הסכם — אויף יענער אַנטשיידונג. דערפאַר האָט ישראל געוואָגט צו דראָען מיט בטל מאַכן איר אָנערקענונג פאַרן באַשלוס פונעם זיכערקייט־ראַט דעם 22.11.67, אויב די איצטיקע אונ"אָ־סעסיע וועט אַקצעפּטירן די עקסטרעמע פאָרשלאַגן פון די 18 מדינות, מיט אינדיע און יוגאָסלאַוויע בראש. ווייל עס דאַרף קלאָר ווערן: אָדער די באַזע פון באַשלוס 242, אָדער נייע רעזאָלוציעס און פאָרמולעס. נאָר עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז דאָס האָט די ישראלדיקע דראָונג משפיע געווען צו לינדערן די פאָרשלאַגן פון די „נישט אידענטיפיצירנדיקע מדינות" (וואָס תמיד אידענטיפיצירן זיי זיך נאָר מיט די אַראַבער). אַ סברה, אַז די פאָרשלאַג־געבערס אַליין ווייסן דעם ווערט פון די אונ"אָ־באַשלוסן און אויסער דעם איז זיי געגאַנגען אין לעבן צו מאָביליזירן וואָס מערער שטימען, אויך פון מדינות, פריינדלעכע צו ישראל. צום באַדויערן, איז זיי דאָס געלונגען!

די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט ווידער אַמאָל אַרויסגעוויזן איר אַנטי־ישראלדיקן פּרצוף און אויסער אומקאָמפּעטענץ, אימפּאָטענץ און אומווילן צו פאַרנעמען זיך מיט אַן אַקטועל־ברענענדיקן פּראָבלעם ווי טעראָר און לופט פּיראַטיזם, האָט זי נאָך געשעדיקט די שלום־באַמיונגען. דעריבער האָט מען אין ירושלים אָפּגעשאַצט דעם באַשלוס, וואָס איז ניט מער ווי אַ רעקאָמענדאַציע פאַרן זיכערקייט־ראַט, ווי אַן איינזייטיקן. ישראל איז ביי דער מיינונג, אַז

מען דאַרף פֿאָרסירן פֿאַרהאַנדלונגען צווישן איר און מצרים — און ניט פֿאַרגליווערן נאָך מערער דעם אַזוי אויך פֿאַרפֿרוירענעם ענין פֿון שלום.

אויפֿן סמך פֿון די דערפֿאַרונגען במשך 25 יאַר, מוזן מיר זיך אומקערן צו אַ לאַנגסטיקער איינשטעלונג, אַז קיין שום אַנטי־ישראלדיקער באַשלוס איז נישט מסוגל צו ענדערן אָדער באַשטימען אונדזער גורל און אַוודאַי נישט לייזן דעם קריזיס אויפֿן נאָענטן מזרח — דאָס כמעט איינציקע אָרט אין דער וועלט, וואָס דראָט היינט מיט אַן אויפֿרייס. דערפֿאַר ווילן מיר זיין שטאַרק, מוזן זיין שטאַרק און גלייכצייטיק — אויך זיין גערעכט פֿאַר זיך און כלפּי אַנדערע. גוט האָט דעריבער געטאָן די ישראל־רעגירונג, וואָס טראָץ איר דראָונג און נאָך דעם אַנטי־ישראלדיקן באַשלוס פֿון דער פֿול־פֿאַרזאַמלונג, האָבן מיר זיך נישט אָפּגעריסן פֿונעם באַשלוס 242 און די דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישע אויפֿקלערונג אין דער וועלט ווערט ווייטער געפֿירט אויף אַן אינטענסיוון אופֿן. הגם דער געענדערטער נוסח פֿונעם באַשלוס איז ווינציקער עקסטרעמיסטיש, ענדערט ער אָבער ניט דעם דעסטרוקטיוון אינהאַלט זיינעם. און אויב מ׳נעמט זיך נישט אַזוי שטאַרק צום האַרצן, איז עס אויך דערפֿאַר, ווייל מיר ווייסן, אַז דאָס אַלץ קומט פֿאָר אין אַ וועלט פֿון צביעות, אינטערעסאַנטישקייט, אינטריגעס און — ניט צו זינדיקן מיט די רייד — עס טראָגט זיך פֿון דעם אַלעמען אויך אַ שלעכטער ריח פֿון ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם...

מען דערציילט, אַז אין אַ שאַרפֿער, אַנטי־ישראלדיקער רעזאָלוציע פֿון דער איצטיקער אונ״אָ־סעסיע, האָט זיך שטאַרק געניייטיקט סאַדאַט, מצרימס פּרעזידענט. דער פֿייער־איבעררייס ביים סועץ, די מצרישע דורכפֿאַלן אויפֿצוּצווינגען ישראל אַ טאָטאַלן צוריקטריט פֿון די פֿאַרנומענע שטחים אין יוני 1967, מיט דער הילף פֿון די סאָוויעטן, צי אפֿילו מיט דער הילף פֿון ראָדזשערס־פּלאַן, האָבן געשאַפֿן אין מצרים גופֿא אַן אויפֿברויז, אומצופֿרידנקייט און אומקלאָרע לאַגע. אויפֿן אינערלעכן פֿראָנט אין עגיפּטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע מרידה קעגן סאַדאַטן, הלמאַי ער זיצט מיט פֿאַרלייגטע הענט פֿון אויגוסט 1970, זינט דעם פֿייער־אָפּשטעל ביים סועץ.

אויך אין מצרים אין געוואָרן קלאָר, אַז די ״ניין מאָס רייד״ וועגן מלחמה, וועגן נקמה, וועגן אָנהייבן די גרויסע מערכה קעגן ישראל — קאָנען ניט זיין קיין עקוויוואַלענט פֿאַרן גאָרנישט טאָן, צי פֿאַרן דערלאָזן ישראל ווייטער זיצן און הערשן אומגעשטערט אין די פֿאַרנומענע געביטן, בעת דער סועץ־קאַנאַל איז שוין דאָס זעקסטע יאָר אומטעטיק. דאָך הערט ניט דאָרט אויף די מלחמה־פּלאַפּלעריי. ערשט די טעג האָט דער מצרישער קריגס־מיניסטער אַכמעד איסמאַיל דערקלערט, אַז ״דער איינציקער וועג וועלכער איז אונדז פֿאַרבליבן, איז — אומקערן אונדזערע רעכט דורך אַ באַוואָפֿנטן קאַמף. אָן שום ספֿק, אַז די צייט דערפֿילט דאָ אַ וויכטיקע פֿונקציע״. דערווייל האָט נישט מצרים קיין צייט. זי סיגנאַליזירט צו אַמעריקע זי זאָל זיך אַריינמישן (לייען: אויסאיבן אַ דרוק אויף ישראל זי זאָל פֿאַרלאָזן סיני און עזה...).

די קריגערישע דערקלערונגען פֿון די מצרישע מנהיגים זענען תמיד געווען אַ פּאָליטישער שריט אָנצושרעקן די וועלט, אַז אָט־אָט צעפֿלאַמט זיך דאָס מלחמה־פֿייער אין ראַיאָן און די גרויסמאַכטן, וועמענס גלאָבאַלע פּאָליטיק איז געבויט אויף קאָעקזיסטענץ, זאָלן נישט דערלאָזן צעבלאָזן די שריפֿה, אין וועלכער אויך זיי קענען ווערן אַריינגעצויגן. קאַיר אַרבעט אויף אַלע פֿראָנטן — אויפֿן מיליטערישן, פּאָליטישן און דיפּלאָמאַטישן, בכדי צוריק געווינען אין 1973 דאָס אַלץ וואָס זי האָט פֿאַרלוירן אין 1967, אָנעם לאָזן פֿאַלן אַ וואָרט, צי אַפֿילו געבן אָנצוגעהערן אַז פֿאַר דעם פּרייז וועט קומען אַ פֿעסטער שלום, מיט אַנערקענטע און זיכערע גרענעצן און גוט שכנותדיקע, דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, הגם זי ווייסט, אַז וואָס שייך ישראל, זענען אָפֿן אַלע אָפּציעס פֿאַר אַ דויערהאַפֿטן שלום, אָנהייבנדיק פֿון אַ טיילווייזע רעגולירונג, צי אַ צייטווייליקן הסכם בנוגע דעם סועץ. נאָר אַלע וועגן דאַרפֿן פֿירן צו אַ שלום. און דאָס וועט געשען, ווען מצרים וועט זיך באַפֿרייען פֿון די אַלע אומוועגן און פֿרעמדע אַדרעסן, ווי מאָסקווע, ניו־יאָרק, וואַשינגטאָן, פּאַריז — נאָר אויסקלויבן דעם פֿיל נענטערן און זיכערן אַדרעס וואָס הייסט — ירושלים.

אַנשטאָט טרעפֿן זיך פּנים־אל־פּנים מיט ישראל, גייט זי ווייטער אָן מיט איר אומבאַרעכנטער פּאָליטיק פון באָיקאָט, פּאַרלייקענונג און ניט אַנערקענען אַזאַ גורם אין ראַיאָן וואָס הייסט ישראל. סאַדאַט האָט זיך שוין אַנטוישט פון רוסלאַנד, דערוואַרט ניט קיין ישועה פון אַמעריקע, די אַראַבישע לענדער האָבן אים וויניק־וואָס געהאָלפן. אויסער דעם ווייסט ער דאָך, אַז אויפן נאָענטן און מיטעלן מזרח גייט אָן אַ דיפּלאָמאַטישער פּאַרמעסט אַון קאָנקורענץ פון אַלע צוזאַמען און פון יעדערן באַזונדער. אַמעריקע שטיצט טאַקע ישראל, זי האָט אָבער אַ ניט קליינעם אינטערעס צו פּאַרבעסערן אירע באַציונגען מיט קאַיר און דמשק. מאָסקווע איז אין שלעכטע באַציונגען מיט ליביע און איז שווער געטראָפן פון קאַיר, ווען פון דאָרט זענען פּאַרטריבן געוואָרן די 15 צי 20 טויזנט סאָוויעטישע ספּעציאַליסטן, אָבער דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז פעסט פּאַרוואָרצלט אין סיריע און אין איראַק. כינע שטיצט אָן שום באַוואָרענישן די עקסטרעמע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס, מיטן ציל אונטערצוטרייסלען די אַמעריקאַנער און סאָוויעטישע פּאָזיציעס אין ראַיאָן. ביי אַזאַ פּלאָנטער פון גרויסמאַכט־אינטערעסן מיט זייערע אינטריגעס און עגאָיסטישע צילן — איז ניט גלייכער אַז די צוויי פּאַרטנערן זאָלן גאָר אַנהייבן שמועסן וועגן צוקונפטיקן צוזאַמענלעבן אין דעם ראַיאָן?

געבענטש זענען די הענט וואָס טוען זיך אַליין — זאָגט אַן אַלט יידיש פּאָלקסווערטל, וואָס איז ווי אָפּגעמאָסטן פּאַר דער איצטיקער אויפגאָבע פון מצרים כלפי ישראל: אַליין אויספּלאַסטערן דעם וועג צו אַ שלום!

(פאַ״צ י״ם, יאַנואַר 73)

## מיט וועמען זיך חברן?

מיינער א שכן (און אויך א פריינד) איז די טעג געקומען צו מיר מיט אַ טענה, הלמאי ד״ר טשארלז פינטשהאם, גענעראַל־קאָנסול פון דער דרום־אפריקאַנער רעגירונג אין ישראל, האָט איבערגעגעבן דעם נשיא אפרים קציר אין ירושלים די באגלויבונג־פּאַפּירן — אָבער ווי דער ערשטער אמבאסאדאָר פון זיין לאַנד. ווי דער שטייגער ביי אזאַ צערעמאָניע, זענען פוןביידע צדדים געהערט געוואָרן פריינדלעכע רעדעס וועגן קעגנזייטיקער אנערקענונג, צוזאַמענארבעט און אונטערשטיצונג. צופיל גוזמא איז נישט געווען אין די אַלע דערקלערונגען. דער עצם פאַקט פון דערהייבן אן אקרעדיטירטן קאָנסול צום ראַנג פון אמבאסאדאָר, איז א באַווייז פון אַ העכערן שטאַפּל פארבעסערטע באַציונגען צווישן פּרעטאָריע און ירושלים.

**1**

מיין פריינד ווייסט אפילו צו דערציילן, אַז פון יאָר 1973 איז דער האַנדל־אויסטויש צווישן די צוויי לענדער פארדאָפּלט געוואָרן, די טוריסטיק האָט זיך פארגרעסערט און אין יענער מדינה ווערט אומגעשטערט געפירט א פראָ־ישראלדיקע טעטיקייט מצד דעם אָרטיקן יידישן ישוב. ״פון דעסטוועגן״ — הער איך זיין רעזומע — ״דאַרף נישט ישראל זיך פארבינדן מיט א מדינה, וואָס האָט אויף איר פאָן אויפגעשריבן דעם אפּארטהייד, ד.ה. נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, ראַסן־פארפאָלגונג און געוואַלט־הערשאַפט פון אַ קליינער ווייסער מינדערהייט, איבער א ריזיקער מערהייט פון נעגערס. מדינת ישראל, מיט איר דעמאָקראַטישן רעזשים, וועמענס באַפעלקערונג האָט אליין געליטן פון רדיפות און געטאָס, איז מחוייב זיך צו חברן נאָר מיט יענע לענדער, וואָס האָבן ענלעכע ווי ביי אונדז רעזשימען. ישראל טאָר נישט צופיל גראוויטירן צו אזא רעגירונג, ווי אין פּרעטאָריע״...

— וואָלט די ברירה פון אויסקלייבן זיך פריינד צי שכנים צווישן פעלקער און לענדער געווען אָפּהענגיק בלויז פון ישראל, — הייב איך אָן מיין ענטפער — ביז איך מסכים, אז מ׳וואָלט אפשר געמעגט מוותר זיין פון אזא פּאַרטנער ווי דרום־אפריקע, הגם אין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען צווישן מדינות, איז מען נישט תמיד בודק די ציצית. בנוגע ישראל איז די לאַגע גאָר־גאָר אַן

אנדערע. נישט נאָר די נאָענטע שכנים ווילן נישט מיר איר אָנהאלטן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, נאָר אַפילו נישט אנערקענען די עצם עקזיסטענץ אירע. ביזן היינטיקן טאָג דעקלארירן זיי אָפן וועגן מלחמה־צושטאַנד מיט ישראל, וואָס גיט זיי א יורידישע סאנקציע צו פירן א ברייט פארמאָסטענעם בויקאָט, צו בלאָקירן ים־ און יבשה־וועגן, אפילו קאָנפיסקירן סחורות. קעגן אומרעכט און ווילקיר, האָט נישט די און״אָ, נישט די גרויסמאכטן און אנדערע מדינות, אויפגעהויבן זייער פּראָטעסט, צי גערופן צו אָרדענונג די אראבער. פארקערט, אויב שוין יאָ וועמען פאראורטיילן, איזאָלירן, קריטיקירן אויף אינטערנאציאָנאלע פּאָרומס — איז ישראל געווען דער איינציקער אָביעקט און קרבן פון אזא גרויל־פּראָפּאגאנדע, ווי דאָס האָט פּאַסירט אויפן פרויען־קאָנגרעס אין מעקסיקע, אויף די קאָנפערענצן פון אונעסק״אָ, אויף דער פול־פארזאמלונג פון דער יו״ען און גאָר באזונדערס — אינעם זיכערקייט־ראָט.

2

־געדענקסט אוודאי וואָס ס׳איז פּאָרגעקומען מיטן אויסברוך פון דער יום־כיפור מלחמה: די אגרעסאָרן, ווי באוווּסט,זענען געווען מצרים און סיריע — אָבער דער רוב אפריקאנער לענדער האָבן איבערגעריסן זייערע דיפּלאָמאַטישע באציונגען מיט ישראל, דעם קרבן פון דער אראבישער אגרעסיע. דרום־אפריקע האָט עס נישט געטאָן. אין יענע גורלדיקע טעג האָבן איינציק און אליין די פּאר. שטאַטן זיך אונטערגענומען צוצושטעלן געווער, אמוניציע און אנדערע קריגס־מאַטעריאלן אין די אויסגעליידיקטע ארסענאלן פון צה״ל, בעת די פאשיסטישע רעגירונג פון סאלאזארן אין פּאָרטוגאל איז געווען די איינציקע מדינה אין אייראָפּע, וואָס האָט דערלויבט צו לאנדן די אמעריקאנער טראנספּאָרט־עראָפּלאנען און זיי ״אָנטרינקען״ מיט ברענשטאָף זיי זאָלן בשלום דערפליען קיין לוד. און אין דער זעלבער צייט האָט דער ראטנפארבאנד, מיט זיינע וואסאלן־רעגירונגען אין מזרח־אייראָפּע, געהאָלפן אונדזערע שונאים.

דעריבער קאָן איך נישט היינט, ביים באהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון ישראלס באַציונגען מיט אנדערע מדינות, באַנוצן זיך מיט די פריערדיקע מאָסן און קאָנצעפּציעס וועגן רעכטס און לינקס: אימפּעריאליזם און סאָציאליזם; שלום־ליבנדיקע, פּאָרגעשריטענע מדינות — אנטקעגן רעאקציאָנערע און מלחמה־העצערישע רעגירונגען. די דאָזיקע פארטיילונג אויף שווארץ און ווייס איז אפשר געווען גילטיק אין צייטן, ווען די אויפריכטיקע אמונה אינעם סאָציאליסטישן אידעאל איז געווען טיף פאראנקערט אין דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק פון די יוגנט־יאָרן. היינט איז מען געוואָרן אי עלטער, אי דערפארענער און אפשר אויך — קלוגער, נישט בלויז פון כרושטשאָווס רעדע אויפן צוואנציקסטן קאָנגרעס מיט 20 יאָר צוריק, נאָר אויך, און דער עיקר, זינט דער אנטשטייונג פון דער יידישער מדינה. פון מאי 1948 האָט יעדער באוווּסטזיניקער נאציאָנאַלער ייד און סאָציאליסט, אין לאנד ווי אין די תפוצות, אָנגעהויבן קוקן אויף די ענינים אויך פון מלוכהשן שטאַנדפּונקט. אין אזא פאל איז דער מאָטיוו תמיד געווען: איז עס גוט פאר ישראל, אָדער שלעכט?

מיר דערמאָנט זיך די ריזיקע ערד־ציטערניש אין יאפּאן אין יאָר 1922, ווען כ׳בין געקומען אהיים פון שול און געבעטן ביי דער מאַמען אַ באַשטייערנג פאר די געליטענע פון יענעם קאטאקליזם, ווייל ביי די שול־קינדער אין פוילן האָט מען געזאַמלט געלט אויף דעם צוועק. איר ערשטע פראגע איז געווען: ״צי האָט די ערד־ציטערניש געשאדט יידן?״ איך אליין האָב זיך דעמאָלט אזוי אָריענטירט אין די יידישע תפוצות, ווי מיין מאמע — און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. נאָר איר פראגע, אויף וויפל זי באציט זיך צו אונדזער שווער געפּרוווט פאָלק — איז תמיד אקטועל: איז עס גוט, צי שלעכט פאר יידן? איז יעדער פּאָליטישער גאַנג אָדער דיפּלאָמאַטישער שריט פון ירושלים, גינסטיק פאַר דער מדינה, אָדער נישט?

די פראגע איז נישט קיין רעטאָרישע, צי אפילו — אן אידעאָלאָגישע, נאָר דרינגט ארויס פון דער הארבער פּאָליטישער לאגע, אין וועלכער אונדזער מדינה געפינט זיך. אין באדינגונגען פון

ווייער ערנסטע (און צום באַדויערן — געלונגענע!) פּרוּוון צו איזאָלירן, בויקאָטירן און באַזייטיקן ישראל פון אינטערנאַציאָנאַלע פּאָרומס און אינסטאַנצן, מוז די דאָזיקע קליינע מדינה אין באַלאַגערונג זוכן פאַרבינדעטע און פריינד ביי יעדן איינעם, וואָס וויל איר נישט לייגן אין חרם. אויב יאָהאַנעסבורג האָט יאָ דעם רצון צו חברן זיך מיט ישראל, איז נישטאָ קיין שום סיבה, אַז ירושלים זאָל איר וואַרפן א גט פאַר די פיס. פּרובירן ווידער זוכן יושר ביי דער וועלט, ביי רעגירונגען, ביי דער אונ״אָ צו פאַריכטן די עוולה קעגן ישראל — ווערט עס אַפילו יאָ געטאָן, נאָר תמיד באַקומט זיך, אַז די עוולות געפינען זיי נאָר ביי אונדז, דאַקעגן אַלע אַנדערע זענען לויטערע צדיקים...

3

אָט זענען איצט פאַראַן דריי ערנסטע צינד־פּונקטן אין דער וועלט: אין סאַהאַראַ, אין אַנגאָלאַ און אין לבנון. זיצט דער זיכערהייט־ראַט שוין די 3טע וואָך און מען רעדט דאָרט בלויז און אויסשליסלעך וועגן (און קעגן!) ישראל, אַז פון ירושלים דראָט א וועלט־שריפה, אַן אומגליק פאַר דער מענטשהייט, א קאַטאַסטראָפע פאַרן נאָענטן מזרח. וועגן דעם בלוט־באָד אין יענע דריי מקומות — מאַכן אַלע א שווייג. נישטאָ קיין קובאַניש־סאָוויעטישע, צי דרום־אַפריקאַנישע און אַמעריקאַנער אַריינמישונג אין אַנגאָלאַ, מאַראָקאָ שאַרפט נישט די שווערד קעגן אַלזשיריע און אין ביירוט שעכטן זיך נישט די מוסולמענער מיט די קריסטן, ביי דער אַקטיווער אַריינמישונג פון סיריע. דאָרטן — קומט גאָרנישט פאָר! דער אויפרייס־מאַטעריאַל געפינט זיך בלויז און אויסשליסלעך אין... ישראל. ביי דעם פּונקט זענען סאָלידאַריש יאַסער אַראַפאַט און לעאָניד ברעזשניעוו, קאָלאָנעל קאַדאַפי און פּרעזידענט אַסאַד, פעלדמאַרשאַל אידי אַמין און פידל קאַסטראָ, אינדירא גאַנדי און דער מלך סאַוד — דער ריכטיקער אינטערנאַציאָנאַל פון הומאַניסטן, דעמאָקראַטן און מאָראַלישע אויטאָריטעטן. אָבער זיי באַשטימען (און שטימען!), אָן געוויסנסביסן, אָנעם געבן אַפילו א פּינטל מיטן אויג, אַז די ישראל־אַרמיי איז א קאָפּיע פון דער ווערמאַכט; אַז די ישראל־רעגירונג איז א נאַצישער גלגול; אַז די יידישע מדינה איז א טרייער המשך פון דריטן רייך אאז״וו — לויט דער באַקאַנטער טערמינאָלאָגיע פון דער ״פּראַוודאַ״ און ״איזוועסטיאַ״, וואָס פאַדערן צוריקגעבן די פאַרנומענע געביטן נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, נאָר דערביי מאַכט מען זיך פאַרגעסן, אַז אין 1939 האָט מען אַליין פאַרכאַפּט דריי באַלטישע לענדער.

4

נאָר צו וואָס די גאַנצע היסטאָריאָזאָפיע? איך וויל בלויז אַרויספירן פון אַ טעות מיין פריינד, אַז כ׳מיין נישט דערמיט, חלילה, צו אידענטיפיצירן זיך, אָדער באַרעכטיקן אַזא רעזשים ווי דער אין דרום־אַפריקע. אוודאי האָב איך אויך אייניקע גוטע סיבות נישט מסכים צו זיין מיט אַלעמען וואָס עס טוט די ישראל־רעגירונג. אָט צום ביישפּיל, געהער איך צו די וואָס האַלטן אונטער די פאָדערונג וועגן דערלויבן אומצוקערן זיך אין זייערע דערפער, איקרית און בירעם, די אַראַבישע איינוווינער, וואָס זענען געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן זיי אין באַפרייונג־קריג אין יאָר 1948. נאָר ביי דעם פּונקט וויל איך נישט הערן קיין מאָראַל פּרעדיקן פון מאָסקווע, וואָס דערלויבט נישט ביז היינט צוריקגיין אין זייערע היימען די טאָטערן, די וואָלגא־דייטשן און טשעטשענצעס; כ׳נעם נישט ערנסט די טענות פון באַגדאַד, אַז מיר זענען באַגאַנגען עוולות כלפּי די פּאַלעסטינעזער, בעת דער רעזשים אין איראַק האָט אויף אַזא בלוטיקן אופן זיך צערעכנט מיט די קורדן; זאָל אונדז ניגעריא נישט פאָרוואַרפן אוממענטשלעכע האַנדלונגען לגבי די מינדערהייטן אין ישראל, בעת מ׳האָט אַליין אַדורכגעפירט א גרויזאַמע שחיטה איבערן ביאַפראַ־פאָלק.

דאָס דאָזיקע ״צעטל״ לאָזט זיך ציען און ציען. דערפאַר איז מיר נישט שווער אויפן האַרצן און ס׳פייניקט נישט דאָס געוויסן, אויב דרום־אַפריקע און ישראל מאַכן ענגער זייערע באַציונגען. קיין גרויסן אויסוואַל האָבן מיר במילא נישט. וואָס שייך קריטיק פון די א. ג. סאָציאַליסטישע

לענדער, אז ירושלים חברט זיך מיט רעאקציאָנערע רעזשימען, דערמאָנט עס די טענה פון די אנטיסעמיטן אין פארמלחמהדיקן פוילן, אז יידן ווילן נישט ארבעטן, נאָר באַשעפטיקן זיך מיט האנדל. יענע שונאי ישראל האָבן זיך געמאכט פארגעסן, אַז דאָס האָבן זיי אליין געקעמפט דערפאר, אז א יידישער ארבעטער זאָל נישט אָנקומען אויף די אייזנבאַנען, אין די קוילנגראָבנס, אין די פאבריקן, מלוכהשע אמטן און אזוי ארום בעל־כרחו אים געשטויסן צום מסחר און לופט־פרנסות. אזוי אויך האָבן אין יוני 1967 אַלע סאָציאַליסטישע מדינות (מיטן אויסנאם פון רומעניע) איבערגעריסן מיט ישראל די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, אין אָקטאָבער 1973 — די אפריקאנער לענדער, און איצט קומען זיי מיט די צביעותדיקע, היפּאָקריטישע טענות, הלמאי מיר האָבן זיך "אויסגעקליבן" אזא פארבינדעטן ווי דרום־אפריקע.

5

מדינת ישראל האָט געוואָלט און וויל אויך איצט אָנהאלטן נאָרמאַלע פּאָליטישע, קולטורעלע און עקאָנאָמישע באַציונגען מיט אַלע אָן אויסנאם לענדער אין דער וועלט, אומאָפּהענגיק פון זייערע אינערלעכע רעזשימען. און אין דער ערשטער ריי — מיט די שכנים! דער דאָזיקער ווילן מוז אָבער זיין א קעגנזייטיקער, נישט בלויז פון איין צד. נאָר כל־זמן יענע איילן זיך נישט — טאָר נישט קיין שום אויסגעשטרעקטע האַנט צו ישראל בלייבן הענגען אין דער לופט. די פארשטאַרקטע דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונג מיט דרום־אפריקע באַווייזט, אז אפילו יענער, לגמרי נישט סימפּאַטישער רעזשים, האָט נישט קיין אינטערעס זיך אָנצושליסן אינעם אנטי־ישראל חרם פון פיל לענדער — און אזא איז אויך דער מלוכהשער אינטערעס פון מדינת ישראל.

איז אלגעמיין מעג מדינת ישראל זיין צופרידן פון דעם פאקט (אפילו ווען זי חברט זיך מיט דרום־אפריקע), אז פון די 96 לענדער וואָס האָבן באַקומען זעלבשטענדיקייט פון נאָכן פארענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה, איז בלויז אין 21 פון זיי פאראן אמתע, דעמאָקראטיש געווײלטע פאַרלאַמענטן, אָבער 12 האָבן שוין באַוויזן פאר דער צייט זיך אויפצולייזן און ס׳זענען געבליבן נאָר 8, וואָס פירן א נאָרמאַלע, פּאַרלאַמענטארישע טעטיקייט. און פון די 144 מיטגלידער אין אונ"אָ, זענען בלויז ביי 40 פאראן געווײלטע פּאַרלאַמענטן, וואָס 28 פירן אדורך וואלן אין רעגולערע טערמינען און ס׳עקזיסטירן דאָרט מערער ווי צו איין פּאַרטיי.

צו די דערמאָנטע 9, 40 און 28 — געהערט די יידישע מדינה. אָן שום ספק, אז אין דעם באַשטייט איר כוח. נאָר ווער ווייסט? אפשר גאָר איז עס איר "שוואכקייט"? ווייל ווי אנדערש לאָזן זיך דערקלערן די אלע אטאקעס און פארלוימדונגען מצד טאָטאַליטאַרע, אנטי־דעמאָקראטישע און אנטי־הומאַניטארע רעזשימען קעגן ישראל?!...

(י"ש ת"א, 28.1.76)

# דריי דאַטעס

דער 31סטער יום העצמאות פון מדינת ישראל פאַלט זיך צונויף, אין קאַלענדאַרישער נאָענטקייט, מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב, דעם ערשטן מאי און מיטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, דעם יום השואה והגבורה. די קרובהשאַפט פון די דריי דאַטעס איז נישט בלויז אַן ענין פון יידישן לוח — ווייל אויך אין היסטאָרישן, ווי אין נאַציאָנאַלן זין, דערגאַנצט זיך איינס מיטן אַנדערן. האָבן דאָך גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק, וואָס האָבן געגלייבט און געקעמפט פאַר די אידעאַלן פון 1טן מאַי, פאַרבונדן די דאָזיקע אמונה מיטן גערעאַנגל פאַר אייגענער, מלוכהשער סוווערעניטעט. אַזוי האָבן די קעמפערס אין וואַרשעווער געטאָ אין זייער פאַרצווייפלט־העראָישן אויפשטאַנד מיט 36 יאָר צוריק, געגלייבט אין אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

דעריבער וועלן די אַלע וואָס זענען טריי דעם היסטאָרישן אמת, אויסגעפינען און אַרויסברענגען דעם ענגן שיכות צווישן די דערמאָנטע עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן אין יידישן

לעבן, וואָס זענען, נאַטירלעכערווייז, געווען פאַרבונדן מיט אַנטוויקלונגען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. דער ערשטער מאַי איז טאַקע נישט געווען אַ ריין־יידישע המצאה; אַזוי אויך די מרידה אין געטאָ וואַרשע איז געווען אַ פּועל־יוצא פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט און רוצח; און די מלוכהשע זעלבשטענדיקייט, ווי באַוווסט, איז אונדז אַנערקענט געוואָרן אין רעזולטאַט פון אונ״אָ־באַשלוס דעם 29סטן נאָוועמבער 1947.

דערפאַר אָבער איז די פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה מיט 31 יאָר צוריק, אַן אויסשליסלעכער פּראָדוקט פון יידישן ווילן און אַנטשלאָסנקייט אָנצוטאָן אין בגדי מלכות דעם טרוים פון דורות און די חלוצישע מעשים טובים פון דער ערשטער עליה, (ביל״ו) מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, ביז דער מאַסן עליה אין דער ערשטער תקופה פון דער מדינה־אַנטשטייונג.

די שטרעבונג צו אַ זעלבשטענדיקן, מלוכהשן לעבן האָט תמיד באַגלייט אונדזער פאָלק אין די תפוצות, וואָס האָט געגלייבט אין שיבת ציון. אפילו די פאַלשע משיחים האָבן איינגערעדט די יידן, אַז מ׳וועט זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל. ערשט אין 1897, אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, איז פאַרלייגט געוואָרן דער פעסטער און זיכערער יסוד פאַר דער יידישער מדינה. אויף יענעם היסטאָרישן צוזאַמענטרעף, איז געוואָרן אָנגעצייכנט די ריכטליניע און ציל צו פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס אונדזערע — ביז מיר האָבן זוכה געווען די דאַטע פון 14 טן מאַי 1948.

גרויס איז די פרייד און שטאָלץ פון דער דאָזיקער דאַטע, אָבער נישט קלענער איז דער רצון צו שטעלן אַ ביסל פראַגן, אונטערציען אייניקע סך־הכלען און אַרויסציען געוויסע מסקנות, באַזונדערס אין ליכט פון מנחם בעגינ׳ס לעצטע פּרוון ״איבערצושרייבן די געשיכטע״.

ווידער אַמאָל האָט אַ קאַלענדאַרישער צופאַל געוואָלט, אַז ערב פסח, אויף דער שוועל פון די דערמאָנטע דריי דאַטעס, זאָל דער פּרעמיער פון דער איצטיקער ליכוד־רעגירונג, אין אַ אינטערוויו פאַר דריי ציטונגען, אויך זיך פאַרנעמען מיט... געשיכטע. בעסער געזאָגט: מיט איר פעלשונג און פאַרקריפּלונג. און אַזוי האָט דערקלערט מנחם בעגין:

״איך בין נישט מסכים מיט דער מיינונג, אַז בן־גוריון ז״ל האָט אויפגעשטעלט די מדינה. די מדינה האָט אויפגעשטעלט דאָס פאָלק ישראל און די באַפרייונג־מלחמה קעגן דער בריטישער הערשאַפט איז דער עיקר געפירט געוואָרן דורך די קעמפנדיקע אונטערגרונט אָרגאַניזאַציעס אצ״ל און לח״י. געווען אַ תקופה, אַז אויך די הגנה האָט זיך באַטייליקט אין קאַמף, און אויף דעם זאָג איך ׳כל הכבוד׳! אָבער אָן אצ״ל און לח״י וואָלט נישט אַנטשטאַנען די מדינה״.

לייענענדיק די דאָזיקע ציטאַטע, האָב איך געטראַכט, אַז אין די ווייטערדיקע שורות וועל איך אוודאי געפינען נאָך איין ״היסטאָרישע פּאָפּראַווקע״: ״מרדכי אַנילעוויטש, דער קאָמענדאַנט פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, איז געווען אַ חבר אין... בית״ר״ — ווייל בעגין באַנוצט זיך אָפס מיטן מאָטיוו פון דער שואה, דעם אומברענגען פון זעקס מיליאָן. נאָר אין דערמאָנטן אינטערוויו האָט ער זיך באַגנוגנט מיט ״געשיכטע־פאַרבעסערונג״ ביז דער מדינה־אַנטשטייונג און זיך נישט באַשעפטיקט מיט דער חורבן־תקופה.

דעם אמת געזאָגט, ווילט זיך נישט אין אַ יום־טובדיקער צייט ווי יום העצמאות און ערשטער מאַי, פירן אַ פּאָלעמיק מיט ישראל׳ס פּרעמיער אויף אַזאַ טעמע, אפילו ווען זי איז זייער רעלעוואַנטיש; ווער זענען דאָס געווען די אמתדיקע בויערס און קעמפערס פאַר דער יידישער מדינה? וועלכע פּאָליטישע כוחות און פערזענלעכקייטן האָבן געגעבן זייער וואָגיקן, אַנטשיידנדיקן ביישטייער, אַז הערצלס ״יודענשטאַאַט״ זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין מדינת ישראל?

נאָר די הענטשקע האָט געוואָרפן מנחם בעגין בכבודו ובעצמו, מיט זיין היסטאָריאָזאָפישער גרייטקייט צוצושרייבן אויפן חשבון פון דער איצטיקער ליכוד־רעגירונג, וועלכע איז נאָך נישט אַלט אפילו צוויי יאָר, כמעט דאָס גאַנצע פּרעכטיקע אויפבוי־ווערק פון התיישבות, הגנה, צה״ל, עליה־אויפנעם, חינוך, לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע אאז״וו — וואָס איז מיט אַזוי פיל אידעאַליזם, בלוט און שווייס געשאַפן געוואָרן אין משך פון 29 יאָר ממשלה בראש פון וועלכער

ס׳איז געשטאַנען די אַרבעטער־באַוועגונג און פון צענדליקער יאָרן מדינה אונטערוועגנס, ווו די חלוצישע כוחות זענען געווען דאָמינירנדיק.

עס דערמאָנט זיך דער ״חנוכּת הבית״ מיט אַ צייט צוריק פונעם נייעם שאָסיי תל־אביב־ירושלים, וועלכער איז פּלאַנירט געוואָרן צומאָרגנס נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, נאָר געפּלאַסטערט האָט מען אים אַ יאָר צען בערך, ווען דער מערך האָט געהערשט. אַזוי ווי צום ״איבערשניידן די באַנד״ פון נייעם כּביש האָט זוכה געווען דער איצטיקער פּרעמיער, האָבן נישט־אָריענטירטע געקאָנט מיינען, אַז די שנעלערע און באַקוועמערע פאַרבינדונג צווישן די צוויי וויכטיקסטע שטעט אין דער מדינה, איז אַן אויפטו פון דער ליכוד־רעגירונג. אין אַזאַ פאַל איז גאַנץ לייכט צו שרייבן אַנדערש די געשיכטע פאַר די נישט־וויסנדיקע און אומאָריענטירטע. טאַקע פאַר זיי, ווי אויך פאַר די וואָס וויסן יאָ (נאָר האָבן שוין פאַרגעסן), איז נייטיק, טאַקע צום יום העצמאות, ווידער אַמאָל, דערמאָנען געוויסע אומאָפּפרעגלעכע אמתן.

*

פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס ביז איצט, איז דער יידישער ישוב אין לאַנד געוואָקסן הונדערט מאָל אַזוי פיל; צה״ל, דער טרייער נאָכפאָלגער פון דער הגנה און פּלמ״ח האָט געזיגט אין אַלע פיר מלחמות: די ישראלדיקע וויסנשאַפט, טעכנאָלאָגיע, אַגריקולטור, דער אויפנעם און איינאָרדענונג פון אַנדערהאַלבן מיליאָן עולים פון 102 לענדער, די אַנטוויקלונג־שטעטלעך, די מושבים און קיבוצים — רופן אַרויס באַוווּנדערונג אין דער וועלט. מדינת ישראל איז געוואָרן דער גייסטיקער, מאָראַלישער און נאַציאָנאַלער צענטער פאַרן יידישן פאָלק אין די תפוצות.

אויך די מינדערהייטן אין לאַנד, טראָץ זייער ספּעציפישער לאַגע צוליב דעם אומאויפהערלעכן מלחמה־צושטאַנד מיט די שכנים, האָבן צו פאַרצייכענען זייער וויכטיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון בילדונג, לאַנדווירטשאַפט און אַלגעמיינעם וווילזיין.

די אַלע דערגרייכונגען, קאַמפן און ראַנגלענישן, באַגלייט מיט מלחמות און טעראָר, לאָזט זיך פאַרלענגערן מיט סטאַטיסטיקעס און דיאַגראַמעס פון כסדרדיקן וווקס און אויפשטייג. ווייל אַזוי האָבן געוואָלט אונדזערע פאָרגייערס, די חלוצים, אידעאַליסטן און בעלי־אמונה אין די סאָציאַלע און הומאַניטאַרע ווערטן פונעם ערשטן מאַי — דער אינספּיראַטאָר און וועגווייזער פאַר אייגענער, נאַציאָנאַלער באפרייונג. דאָס האָבן זיי דעראָבערט די וויסטעניש, ״נאָך אַ דונאַם און נאָך אַ דונאַם״, אויך אין דעם פּערמאַנענטן,ליידנשאַפטלעכן ויכוח מיט דעם רעוויזיאָניסטישן ציוניזם, די אָנהענגערס פון ״נאָך אַ רעדע, נאָך אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע״.

אויב דעם געוועזענעם מנהיג פון אצ״ל און איצטיקן ראש הממשלה, ווילט זיך אַרויסהייבן די חשיבות פון יענער אונטערערדישער, נאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געפירט אַ סעפּעראַטן קאַמף מיט דער ענגלישער מאַנדאַטאָרן־מאַכט — זאָל אים וויל באַקומען! נאָר פון אַזאַ אייגנהעגטיקן און גוטבערודערישן קלאַפּן זיך אין פּלייצע, ביזן דערקלערן אַז די באַפרייונג־מלחמה קעגן ענגלאַנד האָבן דער עיקר אויסגעטראָגן אצ״ל און לח״י, בעת די הגנה און פּלמ״ח האָבן זיך באַגנוגנט מיט אַ ״מיטבאַטייליקונג אין אַ געוויסער תקופה״ — איז אַ גראָבע פעלשונג פון היסטאָרישע פאַקטן, ציפערן, געשעענישן. ס׳איז נישט קיין סוד, אַז די צאָל חברים פון דער הגנה איז דערגאַנגען ביז פופציק טויזנט און אַז זיי האָבן אויסגעטראָגן דעם עיקרדיקן, ציל־באַוווסטן און עפעקטיוון קאַמף קעגן דער בריטישער הערשאַפט. דאַקעגן אצ״ל און לח״י האָבן צוזאמען געציילט נישט מער ווי אַ פינף טויזנט מיטגלידער און זייער גאַנצע מלחמה־סטראַטעגיע און טאַקטיק האָט זיך אויסגעדריקט אין אינדיווידועלן טעראָר.

*

אַזאַ רעטראָאַקטיווער אופן פון שרייבן געשיכטע דערמאָנט די סאָוויעטישע היסטאָריאָגראַפיע מיט פאַרקלעבטע בלעטער אין זייערע ענציקלאָפּעדיעס. דאָרט, אין מאָסקווע, האָט מען שוין פון לאַנג אויסגעפונען דעם פּאַטענט פון איבערשרייבן די געשיכטע, פון אַנטווערטן,

אויסלײדיקן פון זײַן טיפן אינהאַלט און היסטאָרישן באַטײַט, אַזאַ יום־טוב ווי דער ערשטער מאַי, װעלכער װערט געפֿײַערט בלויז מיט אַ מיליטערישן פּאַראַד און רעדע פון אַ מאַרשאַל אָדער גענעראַל, וואָס פאַרגעסט בשעת־מעשה צו ריידן וועגן יושר, גלײַכהייט, פרײַהייט, דעמאָקראַטיע פאַרן אַרבעטנדיקן פאָלק ביי זיך, ווי פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. די דאָזיקע טענדענץ פון פעלשונגען דאַרף אומעטום ווערן באַקעמפט. און אוודאי און אוודאי — ביי אונדז.

דער איצטיקער יום העצמאות איז אויך פאַרבונדן מיטן דערגרייכטן שלום־אָפּמאַך מיט מצרים. נישט קיין אַנדערער ווי מנחם בעגין האָט זוכה געווען צו געבן זײַן אונטערשריפט, באַזאַמען מיט ענואר סאַדאַט און דזשימי קאַרטער, אויף דעם פרידנספּאַקט צווישן ישראל און מצרים. נאָר צושרײַבן זיך (און דער איצטיקער רעגירונג) דעם אויסשליסלעכן פאַרדינסט פאַרן ישראל־עגיפּטישן שלום־אָפּמאַך, איז ווידער אַמאָל אַ טרייע איבערחזרונג פונעם "איבערשניידן די באַנד" בעתן עפענען דעם נייעם שאָסיי קיין ירושלים, ווי דערמאָנט שוין פריער. וואָס האָט פּאַסירט אין דער אמת'ן?

די אַנטשפּרעכיקע באַדינגונגען, פּאָליטישן קלימאַט און פּסיכאָלאָגישע באַזע פאַר סאַדאַט'ס וויזיט אין ירושלים און דערגרייכטן שלום־הסכם אין וואַשינגטאָן, איז געווען די כסדר אויסגעשטערעקטע האַנט פון דער מערך־רעגירונג צו די אַראַבישע שכנים; די הסכמה אויף אַ פײַער איבערייס מיט מצרים און סיריע נאָך דער יום־כיפּור מלחמה: דער אויסטויש פון קריגס־געפאַנגענע; אייניקע צוריקטריטן אין סיני און די טיילווייזע רעגולירונגען בימי קיסינדזשער, וועלכע זענען תמיד באַקעמפט געוואָרן דורכן ראש פון דער אָפּאָזיציע, מנחם בעגין. און אויך — סאַדאַט'ס ווילן צו פאַרבייטן די מלחמה־אָפּציע אויף פרידלעכע לייזונגען.

*

ביי דער געלעגנהייט — נאָך אַן אַנאַלאָגיע מיט מאָסקווע. אין די פּופציקער יאָרן האָבן מיר אָפּט געהערט פון מק"י, די דעמאָלטיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישראל, אַז אַ דאַנק דער גראָמיקאָ־דעקלאַראַציע אין אונ"אָ אין נאָוועמבער 1947, האָבן מיר זוכה געווען צו אַ יידישער מדינה. בשעתו האָבן אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, פון רעכטס ביז לינקס, אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע "קאָנצעפּציע" פון די געשווירענע אָמן־נאָכזאָגערס פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס לויט זייער מיינונג, איז נישט די עליה, דער חלוציזם, די בענקשאַפט נאָך ציון, די באַלפור־דעקלאַראַציע, דער אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, די פּליטים־לאַגערן, די מעפּילים־שיפן, דער קאַמף מיטן בריטישן מאַנדאַט, די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט, די ציוניסטישע מנהיגים און באַוועגונג — געווען די עיקרדיקע טרייבקראַפט צו שאַפן אַ יידישע מדינה, נאָר דער "טשאַרטער" פון אַנדריי גראָמיקאָ.

עפּעס ענלעכס האָט זיך איצט איבערגעחזרט ביי מנחם בעגין. כמעט אַלע אַנדערע שעפערישע און קעמפנדיקע כוחות פון יידישן פאָלק זענען פאַרשוווּנדן פון דער אַרענע און נאָר אין זכות פון אצ"ל און לח"י זענען מיר דערגאַנגען צו מלוכהשער זעלבשטענדיקייט. און וואָס שייך דעם שלום — איז עס אויך אַ דאַנק די קנאַפּע 2 יאָר הערשאַפט פון דער ליכוד־רעגירונג.

וועלן מיר איצט לאָזן אין אַ זייט די "דערגרייכונגען" פון דער דאָזיקער רעגירונג אויפן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן, קולטורעלן און אַנדערע געביטן. די פאַקטן ריידן פאַר זיך! היינט דאַרף מען זיך פרייען מיטן 31 סטן יום העצמאות פון דער מדינה; אָפּצייכענען דעם 93 סטן יאָרטאָג פון דעם גרויסן, נאָך אַלץ וויכטיקן, הגם אין אַ סך לענדער פאַרקריפּלטן ערשטן מאַי יום־טוב; דערמאָנען מיט יראת הכבוד די קדושים און גיבורים פון דעם אַנטי־היטלעריסטישן קאַמף.

דער שלום־הסכם מיט דער גרעסטער און וויכטיקסטער אַראַבישער מדינה, אויף דער שוועל פון 31 סטן יום העצמאות, גיט אונדז אַ סך האָפענונג און גלויבן אין דער ריכטיקייט פונעם וועג, וועלכן ס'האָט אָנגעצייכנט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון אונדזער פאָלק.

(י"ש ת"א, 25.4.79)

# אומקום, גבורה,
# צווייטע וועלט־מלחמה

# א דערמאָנונג און א וואָרענונג

דער טאָג פון ערשטן סעפּטעמבער איז אַזאַ אויפשווידערנדיקע דאַטע, אַז ס׳איז אוממעגלעך איבער איר אַריבערצושפּרייזן. מוז מען זיך אומקערן צו יענעם האַרבסטיקן טאָג אין פּוילן מיט 19 יאָר צוריק, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה.

קאָן ווער טענהן, און מיט רעכט: צוּוואָס קראַצן די ווונד? וועמען זענען נייטיק אַזעלכע וויסטע דערינערונגען?

ליידער, האָבן מלחמה־זכרונות אויפגעהערט זיין אַן ענין פון בלויזע געשעענישן פון אַמאָל. ווי מען זאָל נישט וועלן פאַרגעסן יענע האַרבע טעג, דערמאָנט אָבער עקשנותדיק דער **היינט**, אַז אַן ערשטער סעפּטעמבער (נישט דער פון שול־יאָר, נאָר פון מלחמות) הענגט תּמיד איבער אונדזערע קעפּ און איז גרייט אויסצוברעכן מיט באַנייטער, פאַרניכטנדיקער קראַפט. **יענער ערשטער סעפּטעמבער האָט זיך זיין טרויעריקן און געפאַרפולן המשך**, הגם ביי אַנדערע אומשטענדן, ביי אַ געביטענער פּאָליטישער סיטואַציע און געאָגראַפישע ענדערונגען, נאָר צום גליק — אין אַ קליינעם פאַרנעם.

דעריבער איז שווער אַרויסצוקריכן אינגאַנצן פון יענער דאַטע, פּונקט ווי ס׳איז אוממעגלעך אַרויסרייסן פון זכרון דעם 19טן אַפּריל (געטאָ־אויפשטאַנד). און ווי נאָר דער קאַלענדאַר ווייזט דעם ערשטן טאָג פון נייַנטן חודש, אַזוי טויכן גלייך אויף אין זכרון יענע געשפּענסטיקע באָמבאַרדירונגען, טויט, פאַרניכטונג, צעטומלטע פּליטים, צעריסענע משפּחות, נע־ונד, הונגער, קעלט און שרעק. עס דערמאָנען זיך די שטיוול פון דער מאַרשירנדיקער דייטשער סאָלדאַטעסקע, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן באַהערשן אייראָפּע, טרעטנדיק אָן רחמנות נישט נאָר פאַרזייטע פעלדער, נאָר אויך די טויטע צי גוססדיקע קערפּער פון פרויען, קינדער, אַלטע לייט און פאַרשניטענע זעלנער.

יאָ, יענעם ערשטן סעפּטעמבער פון 1939 האָט מען נישט אָנגעהויבן דאָס לערן־יאָר. אנשטאַט קינדער זאָלן מיט פרייד און טומל פאַרפולן די קלאַסן, האָבן זיי גאָר אין פּחד און בהלה באַדאַרפט זוכן שוץ פאַר די פליענדיקע באָמבעס. דער היטלעריזם האָט דעמאָלט געעפנט אַן אַנדערע שול — די שול פון מאָרדן מענטשן, אומברענגען פעלקער, חרוב מאַכן האָב־און־גוטס און אָקופּירן פרעמדע לענדער. און דער סך־הכל פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — 27 מיליאָן קרבנות, צווישן זיי — דאָס אויסגעהרגעטע יידישע פאָלק מיט אירע זעקס מיליאָן פאַרשניטענע לעבנס.

אוודאי האָבן עקאָנאָמישע ווי פּאָליטישע אינטערעסן פון מדינות, דער עיקר — אימפּעריאַליסטישע, ווי אויך קעגנזייטיקע אינטריגעס, דער דראַנג צו הערשן און באַהערשן, די מאַניאַקישע גרויסהאַלטעריי פון פירער, פּונקט ווי גענעראַלסקע אַמביציעס — דערפירט צום לעצטן און פאַרלעצטן בלוט־באָד אין וועלט־מאַסשטאַב. אָבער פריער פאַר אַלץ איז אַ שוין אויסגעבראָכענע מלחמה געווען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די פּאָטענציעלע אַגרעסאָרן האָבן **באַצייטנס** ניט באַקומען איבער די הענט, וואָס אנשטאַט זיי צוימען און איינהאַלטן, האָט מען זיי געשטיצט, דערמוטיקט, און אין בעסטן פאַל — זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צו זייערע אָפענע און פאַרמאַסקירטע מלחמה־צוגרייטונגען.

געגנוג צו פאַרגלייכן די געשעענישן פון די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות, וואָס אונדזער דור האָט אַדורכגעמאַכט: די פון 1914 — 1918 און פון 1939 — 1945. זענען דען די ציפערן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען ווייניקער טראַגיש און דערשיטערנדיק אין זייער אויספּראַך, ווי דער סך־הכל פון צווייטן וועלט־קריג? ווייל אויך נאָכן יאָר 1918 האָבן סטאַטיסטיקער באַרעכנט, אַז יענע פיר־יאָריקע קריג האָט זיך פאַרענדיקט מיט קאַרגע 9 מיליאָן הרוגים און העכער 20 מיליאָן פאַרוווּנדעטע, אויסער דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן חורבן. פונדעסטוועגן האָבן די

הערשער פון דער וועלט נישט איבעריק זיך איבערגעגומען מיט די רעזולטאַטן, נאָר ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל געגרייט נייע שחיטות. ווייל די געשיכטע, ספּעציעל די פון מלחמות, האָט ליב זיך אָפּט איבערצוחזרן...

*

סך־הכל דריי יאָר נאָכן אויפשטעלן די ווייטמאַרער רעפּובליק (אין יאָר 1919) האָט שוין דייטשלאַנד אויפגעהערט צאָלן אירע מלחמה־אַנטשעדיקונגען און געוואַגט צו פאַרכאַפּן דעם פּאָרט מעמעל. אין יאָר 1933 קומט היטלער צו דער מאַכט און דעם זעלבן יאָר נעמט ער אַרויס דייטשלאַנד פון דער פעלקער־ליגע, קאָמיסיע פאַר אַנטוואָפענונג, כדי אין 2 יאָר אַרום איינפירן אָבליגאַטאָרישע מיליטער־דינסט און אָנהייבן פאַרפעסטיקן דעם ריין־געביט, וואָס לויטן ווערסאַלער טראַקטאַט, זענען ביידע זאַכן געווען פאַרבאָטן. גלייכצייטיק שטעלט ער אויף די אַקס בערלין — רוים — טאָקיאָ. ער שעמט זיך נישט אַקטיוו אַריינצומישן אינעם שפּאַנישן בירגער־קריג, בעת אַ ריי קאַפּיטאַליסטישע לענדער און אייניקע סאָציאַליסטישע רעגירונגען, היטן שטרענג אָפּ די כללים פון נישט־אינטערווענץ. אמת, ערגעץ־ווו הערט מען פּראָטעסטן און שטורמישע אויסברוכן קעגן דעם אויפשטייג פון היטלעריזם, דאָ און דאָרט דערפילט מען די געפאַרן, — אָבער די, וואָס זענען בכוח צו צוימען צי אפילו אונטערהאַקן די פליגל דעם פאַשיסטישן רויב־פויגל, מאַכן זיך נישט וויסן און האַלטן אין איין קאַפּיטולירן פאַר דער ברוינער געפאַר. די קרוינונג פון אַזאַ קאַפּיטולאַציע אין געווען — מינכען, טשעמבערליין — און אַ צעטרעטענע טשעכאָסלאָוואַקיי. פונדאַנען איז שוין ניט ווייט אָנצופאַלן אויף פּוילן און גרייטן ווייטערדיקע אַגרעסיע קעגן דער גאַנצער וועלט. עפּעס ענלעכס שפּילט זיך אָפּ אין איטאַליע, וועלכע באַפאַלט אין יאָר 1935 אַבעסיניע, און אין יאַפּאַן, וואָס דערלויבט זיך צו פירן אומגעשטערט איר קריג קעגן כינע. פונדאַנען איז שוין נישט ווייט צום פאַרעטערישן איבערפאַל אין פערל־הערבור, כדי אויפצווינגען מלחמה די פאַראייניקטע שטאַטן, גענוי ווי דייטשלאַנד האָט עס געטאָן קעגן פּוילן און דעם ראַטנפאַרבאַנד.

האָט מען דערפון עפּעס געלערנט?

*

דאָס ווערטל "די געשיכטע חזרט זיך איבער" האָט זיך אַמבולטסטן באַשטעטיקט אין די אַנטוויקלונגען פון די נאָך־מלחמה־יאָרן פון יאָר 1945 — ביז די איצטיקע טעג. אויך אין "טאָג פון נצחון", מיט 14 יאָר צוריק, האָט מען געוואָלט גלויבן, אַז די קאַמפּס־איינהייט פון די אַליאַנטן פון איין זייט און זייער געמיינזאַם באַשטראָפן די היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער פון דער צווייטער זייט, שאַפן אַלע פאַרבאַדינגונגען צו זיכערן דער מענטשהייט אַן עטוואָס לענגערן שלום ווי דער, וואָס האָט געדויערט פון איין וועלט־קריג ביזן צווייטן. אָבער וויפל צייט איז דען אַוועק זינט בערלין איז געפאַלן, ביזן אויסשטאַטן די באַנייטע דייטשע אַרמיי אין אַטאָם־וואָפן? ווער שמועסט נאָך, אַז אין צווישנצייט איז "עפּעס־וואָס" פאָרגעקומען, ווי: די קאַלטע מלחמה צווישן ביידע וועלטבלאָקן, וואָס האָט נישט איינמאָל דערפירט צו הייסע צוזאַמענשטויסן; דאָס אויפשטעלן דעם צפון־אַטלאַנטישן פאַקט; די אַמעריקאַנער־סאָוויעטישע "נערוון־מלחמה" איבער בערלין אין דייטשלאַנד; דער סאָוויעטיש־יוגאָסלאַווישער קאָנפליקט; די פראַנצויזישע מלחמה אין אינדאָנעזיע; דער קריג צווישן האָלאַנד און אינדאָנעזיע; די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין צפון־אַפריקע און די פּרוּוון זי צו דערדריקן; און אחרון אחרון — דער איצטיקער האַרמאַטן־געדונער אויפן ווייטן מזרח, וועלכער איז עלול אָנצוצינדן אַ דריטע וועלט־שריפה.

*

דער נײַנצניאָריקער סך־הכל פון יענעם ערשטן סעפּטעמבער ביזן הײַנטיקן ברענגט נישט, ליידער, קיין פריילעכע געדאַנקען. די צינד־פונקטן אין דער וועלט, אפילו ווען זיי לעשן זיך

צייטנווייז אויף געוויסע ערטער, זענען נאָך נישט ענטגילטיק ליקווידירט געוואָרן. די מלחמה־געפאַר, אין אַ פיל שוידערלעכער אויפלאַגע ווי די לעצטע מלחמות, ווייל היינט מיינט עס טאָטאַלע פאַרניכטונג דורכן אַטאָמישן און הידראָגענישן געווער, — הענגט נאָך אַלץ איבער אונדזערע קעפּ. אויב, חלילה, די געשיכטע פון אַ וועלט־מלחמה דאַרף זיך ווידעראַמאָל איבערחזרן, ווער ווייסט צי ס׳וועט נאָך ווער בלייבן אויף צו שרייבן געשיכטע...

דערפאַר דאַרף דער טאָג פון ערשטן סעפּטעמבער זיין שטענדיק אַ דערמאָנונג און אַ וואָרענונג, אַ רוף צו באַזינונג, כדי פאַרמיידן אין דער צוקונפט אַזעלכע טעג, וואָס אנשטאט באַנייטע לימודים אין די שולן, זאָלן גאָר באַנייט ווערן מאַסן־רציחות.

(אד״וו ת״א, 4.9.58)

# א גוטער ביישפּיל נאָך א שלעכטער פירונג

**(אַרום דער דעמיסיע פון פּראָפ׳ דינור פון דער יד ושם־אָנפירונג)**

ערשט די טעג איז געפאַלן די אַנטשיידונג: פּראָפעסאָר בן־ציון דינור (דינאַבורג), הויפּט־לייטער פון ״יד ושם״, האָט געלייגט זיין אַמט. די עיקר־סיבה פאַר דעס דאָזיקן שריט דאַרף זיין — לויטן רעזיגנאַציע־בריוו פון דעמיסיאָנירטן צום בילדונגס־מיניסטער, אַז ״די ענינים פון יד ושם פאָדערן — און אַפילו פאַרפליכטן, — אַז דער פאָרזיצער זאָל טאָג־טעגלעך קאָנען ווידמען נישט ווייניק צייט פאר דער אָנפירונג מיט דער אינסטיטוציע. צום באַדויערן, האָב איך נישט קיין שום מעגלעכקייט צו טאָן די דאָזיקע זאַך״.

**מאַנגל אין צייט און... קוואַליפיקאַציעס**

ווען עמעץ רעזיגנירט פון זיין אַמט צוליבן פעלן פון צייט, מוז אַזאַ אַרגומענט אַרויסרופן שטוינונג. אָדער־אָדער: אויב ס׳איז נישטאָ קיין איבעריקע צייט, מוז מען זיך נישט באַהענגען מיט אַ סך פּאָסטנס, אַמטן, אויפגאַבן און טיטולן, נאָר כדי צו באַפרידיקן דעם אייגענעם יצר פון כבוד און גרויסהאַלטעריי, ביים גלייכצייטיקן פאַרנאַכלעסיקן די עיקרדיקע אַרבעטן, צו וועלכע מען איז באַשטימט געוואָרן. מיר האָבן אין לאַנד אַ סך אַזעלכע יידן, וואָס אינעם געבן זיי (אָדער אַליין נעמען זיך) פיל אַמטן, זענען זיי דער עיקר דאָס **בענקל**, און נישט די **אויפגאַבע**. און דאָס באַשיטן ווען בשפע מיט טיטולן, ראַנגעס און פּאָסטנס, מוז נאַטירלעך באַוואולהן אַנדערע, נישט ווייניקער פּאַסיקע, פעיקע און אָרנטלעכע מענטשן, וואָס וואָלטן אויך געקאָנט עפּעס לייסטן...

ענלעכס האָט זיך איבערגעחזרט אין יד ושם, די מלוכהשע אינסטיטוציע מיט נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע אויפגאַבן צו פֿאַראייביקן דעם אומקום און די גבורה פון יידישן פֿאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. גלייך ביי איר אַנטשטייונג, אין יאָר 1953, האָט יד ושם געהאַט אַ קלאָר אָנגעצייכנטן פּראָגראַם מיט אַ געזעלשאַפטלעכער און פינאַנסיעלער באַזע צו פירן איר טעטיקייט. האָט מען אָבער בראש פון דער אינסטיטוציע אַוועקגעשטעלט אַ פּראָפעסאָר מיט אַ נאָמען, אַ וויסנשאַפטלער, וואָס פאַרשטייט נישט שלעכט די פּראָבלעמען פון געשיכטע־פאָרשונג און איר פאַראייביקונג, נאָר אַ באַהאָנגענעם מיט אַזויפיל אַמטן און באַשעפטיקונגען, אַז בלויז אויף עטלעכע שעה אין משך פון דער וואָך פלעגט ער "אַריינפאַלן" אין יד ושם. און אַזוי "נישט האָבנדיק קיין צייט", האָט ער העכער דריי יאָר צייט אָנגעפירט מיט יד ושם — אַז אָך־און־וויי איז געווען צו אַזאַ אָנפירונג.

כדי ריכטיק פאַרשטיין דעם מהות, כאַראַקטער און אויפגאַבן פון אַזאַ אינסטיטוציע, האָט מען נישט דווקא געמוזט האָבן דעם פּראָפעסאָרישן טיטול, אַקאַדעמישן אַטעסטאַט און בקיאות אין געשיכטע־פאָרשונג. דאָס אַלץ האָט פּראָפ׳ דינור געהאַט מיט עודף. און אפשר טאַקע דערפאַר זיין טרוקענער, ריין "זאַכלעכער" צוגאַנג צום ענין יידישער חורבן און גבורה בעת דער נאַצישער הערשאַפט, זיין פאַרוואַנדלען יד ושם אין אַ שטרענגער קאַבינעט־וויסנשאַפט, אָפגעריסן פון דער קעגנוואַרט, אָן אַ ציל כלפּי דער צוקונפט. און דער עיקר — ביים פולשטענדיקן בויקאָטירן און איגנאָרירן יענע כוחות פון דער שארית־הפליטה, די געטאָ־קעמפער, פאַרטיזאַנער, געוועזענע זעלנער אין די אַרמייען פון דער אַנטי־היטלעריסטישער קאָאַליציע, מלחמה־אינוואַלידן, בונקער־איינוווינער און די יידן פון דער אַרישער זייט, געראַטעוועטע פון די אומקום־לאַגערן, וואָס יעדער פאַר זיך און אַלע צוזאַמען שטעלן מיט זיך פאָר אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון אַ געשפּענסטיקן טויט, וואָס איז געהאָנגען איבערן קאָפּ פון אַ גאַנץ פאָלק. דער דאָזיקער חרם איבער די געראַטעוועטע פונעם היטלעריסטישן גהינום איז דערגאַנגען צו אַזאַ אַבסורד, אַז די געציילטע מיטאַרבעטער פון יד ושם, ווי די שרייבערין רחל אויערבאַך, די היסטאָריקער און געטאָ־פאָרשער ד״ר יוסף קערמיש, ד״ר נתן עק, מגר. נחמן בלומענטאַל, זענען אויף אַ ריקזיכטלאָזן אופן באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט אין אויף זייער אָרט זענען אַריינגעזעצט געוואָרן דילעטאַנטישע פּראַקטיקאַנטן און יונגעלייט, וואָס האָבן אַ גאָר קנאַפּן שייכות צו איינעם פון די טראַגישסטע און פינצטערסטע תקופות אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

כדי צו זיין אַ וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אין אַזאַ יד־ושם, אָטעמען און פאַרשטיין די אויפגאַבן פון דער אינסטיטוציע, מוז מען ווינציקסטנס אַליין האָבן געקומען פון יענעם שוידערלעכן גהינום, אָדער פון די געדיכטענישן פון די יידישע פאָלקסמאַסן אין די אייראָפּעישע לענדער, וועמענס גורל איז געווען אַזאַ ביטערער. דער־אָ פאַקט דאַרף אפשר זיין איינער פון די דעצידירנדיקסטע ביים קוואַליפיצירן די אָנפירונג און די מיטאַרבעטער אין יד ושם. ליידער, די דאָזיקע "מעלה" האָט נישט געהאַט דער איצט־דעמיסיאָנירטער דירעקטאָר און דער רוב פאַרבליבענע אָנגעשטעלטע. און נישט אויסגעשלאָסן, אַז דערפון נעמט זיך דער ערשטער חטא פון דער אינסטיטוציע, וועמענס לייטער האָט נישט פאַרמאָגט די צוויי נויטיקע אטריבוטן, ווי ס׳איז: צייט און די מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע קוואַליפיקאַציע צו פאַרנעמען דעם דאָזיקן אַמט.

## אויפטועו און דורכפאלן

למען האמת דאַרף מען מודה זיין, אַז יד ושם האָט פונדעסטוועגן צו פאַרצייכענען אויף איר חשבון נישט קליינע אויפטוען:

פאַרעגיסטרירן אויף עדות־בלעטער די אומגעקומענע יידן;

די פּערמאַנענטע אויסשטעלונג וועגן אומקום אין דער געביידע פון יד ושם;

די אַדורכגעפירטע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען אין אָנדענק־טאָג (כ״ז ניסן — ארום דעם 19־טן אַפּריל);

דאָס אויפשטעלן דעם צענטראַלן אַרכיוו פון דאָקומענטן, בילדער און ביכער פון דער אומקום־תקופה — מיט אַ 20 מיליאָן פּאַטאָקאָפּיעס פון אַראָלסען (דייטשלאַנד);

עס זענען אויך אויפגעזאַמלט געוואָרן אַ 12 טויזנט גביות־עדות פון ניצול־געוואָרענע יידן פון פאַרשידענע אָקופּירטע לענדער;

אַ ביבליאָטעק פון אַ 20 טויזנט ביכער אין פיל שפּראַכן, געווידמעט דעם חורבן, ווי אויך די נאַצישע אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור;

אַ ביבליאָגראַפישע קאַרטאָטעקע (130 טויזנט אַקטן) פון יידישע קהילות אין אייראָפּע;

פּובליקאַציעס (פּנקס שאַבלי — טאָגבוך פון אַ ליטווישן געטאָ 1941 — 1944; הנער משה — טאָגבוך און פאַרצייכענונגען פון משה פלינקער; יד ושם — אַ זאַמלונג פאָרשונגען וועגן אומקום און גבורה. די צייטשריפט ידיעות יד ושם — פיר נומערן אַ יאָר אין עברית, 2 אין יידיש און 2 אין ענגליש).

קאָן מען איצט שטעלן די אַלטע קשיה: אויב ס׳איז אַזוי גוט — טאָ פאַרוואָס איז אַזוי שלעכט?

דער באַריכט פון מדינה־קאָנטראָלער און די אָפּגעהאַלטענע זיצונג פונעם וועלט־ראַט פון יד ושם אין יוני פ״י האָבן געהאַט גענוג מאַטעריאַל פאַר אַ זייער האַרבער קריטיק. לאָמיר בקיצור איבערגעבן די וויכטיקסטע טענות:

פאַר די עטלעכע יאָר קיום פון יד־ושם אין גאָרנישט געווען קענטיק זיין טעטיקייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. די אָנגעצייכנטע לויטן געזעץ אויפגאַבן זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דאָס שווייגעניש אין און אַרום דער אינסטיטוציע האָט אַרויסגערופן באַרעכטיקטע חשדים און שפּעטער — אויסגעבראָכענעם צאָרן.

דער איניציאַטאָר און לעבעדיקער גייסט פון צו שאַפן אַזאַ אָנדענק־ווערק, מ. שנהבי פון קיבוץ משמר־העמק, האָט געמוזט איבערייסן זיין מיטאַרבעט אין יד ושם. אַ ריי וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער, דער עיקר די גרעסטע פון אומקום און מענטשן מיט אַ רייכן ליטעראַרישן און פאַכמענישן סטאַזש, זענען אַוועק פון יד־ושם, אָדער פון דאָרט אַרויסגעשטויסן געוואָרן. ביי פיל האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז אַ טייער, ווערטפול ווערק ווערט אויסגעליידיקט פון זיין אינהאַלט און פאַלט אַ קרבן פון אינטערעסאַנטישקייט. אַז אַזאַ וויכטיקער מוסד, וואָס האָט פאַרשלונגען אַזויפיל געלט און פראַצע, (ביז איצט — 4 מיליאָן ל״י), איז לגמרי נישט געוואָרן דאָס וואָס ער האָט באַדאַרפט צו זיין: פאַרייביקן דעם נישט וווייטן עבר און דינען פאַר די לעבנגעבליבענע, דער עיקר פאַר דער יוגנט — אַ דערמאָנונג און וואָרענונג.

דער וועלט־ראַט האָט נישט אָנגענומען די אַרויסדרייערישע ענטפערס און תירוצים פון דער אָנפירונג אויף די אַלע פאָרוווּרפן און זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן דעם בודזשעט, כל־זמן עס וועט נישט געלייטערט ווערן די לופט אַרום דער אינסטיטוציע און ביזוואַנען עס וועט אינעווייניק נישט איינגעשטעלט ווערן קיין אָרדענונג.

אויך די כמעט גאַנצע פרעסע האָט נישט פאַרשלאָפן דעם ענין. אין דער העברעישער און יידישער פרעסע אין לאַנד און אין אויסלאַנד האָט מען בדרך־כלל זאַכלעך, אָביעקטיוו און ערלעך קריטיקירט די אַלע נעגאַטיווע זייטן, ביים אַרויסברענגען אויפריכטיקע זאָרג צו פאַרבעסערן און אַנטוויקלען די אינסטיטוציע. אַזוי האָבן די צייטונגען געוווּסט צו דערציילן וועגן ריזיקע סומען וואָס זענען אויסגעגעבן געוואָרן אויף איינצוקויפן ביים סקולפּטאָר ראַפּאַפּאָרט די פאָרמען פאַר אַ דענקמאָל, וואָס האָט באַדאַרפט געגאָסן און אויפגעשטעלט ווערן אין לאַנד, אויפן מוסטער פון געטאָ־דענקמאָל אין וואַרשע. אָבער די פאָרמען ליגן נאָך פאַרפּאַקט אין די קאַסטנס — און מען זעט נישט און מען הערט נישט, אַז עס זאָל אַמאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אין לאַנד אַ מאָנומענטאַלער דענקמאָל די קדושים און גבורים פון אונדזער פאָלק. אויך די אויסגאַבן פון יד ושם זענען אַרונטערגעריסן געוואָרן, באַזונדערס דער טאָגבוך פון שאַולער געטאָ, צוליב די היסטאָרישע אומפּינקטלעכקייטן, גרייזיקער איבערזעצונג און טענדענציעזער רעהאַביליטאַציע פון די יודענראַטלער.

**עס איז נאָך נישט שפעט**

טאַקע דערפאַר וואָס די עפנטלעכקייט איז געווען אַזוי עמפּינדלעך אויף דעם וואָס איז פאָרגעקומען אין יד ושם, איז צו האָפן, אַז עס וועט זיך נאָך לאָזן דאָרט סאַנירן די לאַגע און אַרויפירן די דאָזיקע אינסטיטוציע אויפן דרך המלך פון אירע אייגנטלעכע אויפגאַבן. די מדינה און דאָס פאָלק מוזן פאַרוואַנדלען יד ושם אין אַ פאָלקסטימלעכער אינסטיטוציע, מיט צוציִונגס־קראַפט און השפעה. עס מוז אויסגעברייטערט ווערן די געזעלשאַפטלעכע באַזע פון יד ושם און זי דאַרף זיך ווידמען איר אייגנטלעכן ציל: אומקום און גבורה, וואָס דאַרפן דינען אַלס לעקציע פאַר די קומענדיקע דורות. פאַרייביקן יעטוועדן אויסדרוק און פאָרם פון קעמפערישקייט, ווידערשטאַנד און פּראָטעסט קעגן די היטלעריסטישע רוצחים. פאָרשן אַלע פאַקטאָרן, טרייב־כוחות און דערשיינונגען, סיי אויסן געביט פון פאַרטיליקונג, סיי אויפן געביט פון אַנטי־נאַצישן קאַמף. צונויפזאַמלען דעם דאָקומענטאַרן מאַטעריאַל און גביית־עדות פון די לעבנגעבליבענע. ברענגען דאָס אַלץ פאַר דער וועלט און פאַרן פאָלק — מיט די נייטיקע מסקנות און אָפּשאַצונגען.

די מיסטיש־רעליגיעזע טענדענץ פון דער איצטיקער יד ושם אָנפירונג טאָר נישט פאַרווישן די פאַקטן פון חורבן און אומקום, ווי זיי זענען געקומען צום אויסדרוק ווי אַ סאָציאַלע דערשיינונג. דער "אל מלא רחמים" טאָר נישט פאַרדעקן דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד פון די געטאָ־קעמפער און פּאַרטיזאַנער. באַגלייך מיטן רעגיסטרירן די געפאַלענע, איז נייטיק אויך צו פאַרשרייבן די קעמפער. לערנען אונדזער שול־יוגנט וועגן יענער תקופה. דער בית־הכנסת אין ירושלים, וואָס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן דורך יד ושם, טאָר נישט דינען אַלס ערזאַץ פאַר אַ ווירדיקן מאָנומענט די, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם און געקעמפט מיט די פאַרטיליקער.

פאַראַן איצט האָפענונגען, נאָך דער דעמיסיע פון פּראָפ׳ דינור, אַז דער געוווּנטשענער קער זאָל פאָרקומען. דער לייטער פון יד ושם האָט נאָך זיין נישט־ריכטיקער אָנפירונג מיט דער אינסטיטוציע דאָך געגעבן אַ גוטן ביישפּיל פון אַוועקגיין, נאָכדעם ווי מען דערפילט שלעכט די אויפגאַבע.

(י״ש ת״א, 22.1.59)

## א דאטע וואָס טאָר נישט פארגעסן ווערן

דער קאַלענדער ווייזט ווידער: 1טער סעפּטעמבער. הייסט עס, אז 21 יאָר זענען שוין אָפּגעלאָפן פון יענעם זוניקן פרייטיק, ווען היטלער־דייטשלאנד איז באפאלן פוילן. דער דאָזיקער טאָג האָט דערנאָך פארשריבן פינצטערע און טרויעריקע בלעטער אין דער געשיכטע. אין אייראָפּע האָט זיך דאן אָנגעהויבן די בלוטיקע דראמע — די צווייטע וועלט־מלחמה, מיט אלע אירע פאָלגן פון חורבן, פארוויסטונג, מאָרד און דעגענעראציע. אין משך פון קארגע זעקס יאָר איז א וועלט אָפּגעגאנגען אין בלוט, מיליאָנען מענטשן זענען געפאלן אויף די שלאכטפעלדער און פונעם יידישן פאָלק איז דורך אלע מיתה־משונהס צוגענומען געוואָרן א דריטל פון זיין וויטאלסטן טייל. א דאנק דער געאייניקטער אנטי־היטלעריסטישער קאָאליציע מיטן ראטנפארבאנד און אמעריקע בראש, האבן מיר דערלעבט דעם צוזאמענברוך פונעם דייטשישן אגרעסאָר. דער 9־טער מאי 1945 האָט אַנגעפילט אונדזערע הערצער מיט האָפענונג, אז מער וועט קיין מלחמה נישט זיין, אז פעלקער און לענדער וועלן נישט מוזן צאָלן דעם בלוטיקן פרייז פאר קאפריזן פון דיקטאטאָרן, פאר דער געלטגייציקייט פון מאָנאָפּאָליעם אָדער זיין א קרבן פון פּאָליטישע אינטריגעס.

דערווייל איז אַזוי נישט געשען. דער ערשטער סעפּטעמבער 1939 האָט נאָכן טאָג פון נצחון געהאַט זיין המשך, הגם אין געענדערטע פאָרמען: צי איז דאָס געווען די קאַלטע מלחמה און נערוון־קריג; צי זענען דאָס געווען די "לאָקאַלע קאָנפליקטן" אין קאָרעא, אינדאָכינע, אַלזשיר, קעניאַ; צי די אַראַבישע אַגרעסיע קעגן דער ניי־אַנטשטאַנענער מדינת ישראל. אויך די שרעק פאַר

אַ נייער וועלט שריפה האָט נישט נאָכגעלאָזט. דערפאַר איז די טעמע פון טאָג, פונקט ווי די באַליבסטע ברכה ביי מאַמעס, וועמענס קינדער דאַרפן זיין די ערשטע קרבנות פון אַ קריג, געווען: „זאָל נאָר זיין שלום אויף דער וועלט...״

## דער צינד־פונקט — ווידער דייטשלאַנד

דער שלום איז דאָ — אָבער אַזאַ אומזיכערער, אַ שלאַבעריקער, מיט פייער־דורכרייסן און דיפּלאָמאַטישע קריזיסן אויף אַ סך פראָנטן, אַז מען מעג זיין ערנסט באַזאָרגט. און פונקט ווי ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דייטשלאַנד געווען דער וויכטיקסטער צינד־פונקט, אַזוי אויך היינט, טראָגן זיך פון בערלין בייזע אָנזאָגן וועגן רעוואַנזש, פאַריכטן גרענעצן, צוריקקערן די פּליטים און דער עיקר — באַוואָפנען די באַנייטע רייכסווער מיט אַטאָמישן געווער, שווערע קריגס־שיפן, געלענקטע ראַקעטעס און מאָדערנע באָמביר־עראָפּלאַנען. נישט קיין אַנדערער, ווי דער קאַטוילישער קאַנצלער אַדענאַוער האָט צוזאַמען מיט זיין פאַרטיידיקונג־מיניסטער שטראוס, אַפּראָבירט די ווענדונג פונעם מערב־דייטשישן גענעראַל־שטאַב וועגן באַוואָפנען באָן מיטן זעלבן געווער ווי די אַנדערע שותפים אינעם צפון־אַטלאַנטישן בונד (נאַט״אָ). נישט קיין אַנדערער ווי אַדענאַוער באַטייליקט זיך אינעם צוזאַמענפלי פון צענדליקער טויזנטער פּליטים פון מזרח־פּרייסן און רעדט דאָרט אָפן וועגן „צוריקקערן די גאַנצקייט פון דייטשישן פאָטערלאַנד״; דער זעלבער אדענאַוער איז אינעם מערבדיקן לאַגער דער איינציקער עקשנותדיקער פּאָליטיקער וואָס איז נישט נוטה זיך צונויפצורעדן מיטן ראַטנפאַרבאַנד און דערגיין צו געוויסע פשרות. דער פאַקט פון אַ צעטיילטער דייטשלאַנד, מיט וועלכער ס׳איז ביז איצט נאָך נישט געשלאָסן געוואָרן קיין שלום־אָפּמאַך, האָט אָבער לגמרי נישט געשטערט צו פאַרוואַנדלען מערב־דייטשלאַנד אין איינער פון די רייכסטע און עקאָנאָמיש פעסטע מלוכות אין אייראָפּע, מיט אַ רעסטאַווריטער ארמיי לויט די „בעסטע״ פּרייסישע טראַדיציעס, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן ווי איינער פון די וויכטיקסטע שותפים אינעם נאַט״אָ. היינט איז שוין נישט שווער זיך פאָרצושטעלן די פּאָטענציעלע געפאַרן וואָס טראָגן זיך פונעם באָנער קיניגרייך.

## קאָ־עקזיסטענץ אָדער געמיינזאַמער אומקום?

עס וואָלט אָבער געווען נישט ריכטיק צוצושרייבן בלויז דייטשלאַנד די געפאַר פון אַ נייעם מלחמה־אויסברוך. די דאָזיקע סכנה ליגט אויך אין דער קאַלטער מלחמה צווישןביידע וועלט־בלאָקן, וואָס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָכן דורכפאַל פון דער שפּיצן־קאָנפערענץ אין פּאַריז. די גורלדיקע פראַגע: קאָ־עקזיסטענץ אָדער געמיינזאַמער אומקום — שוועבט אין אונדזער וועלט און איז דעצידירנדיק ביים אויספאָרמירן דאָס לעבן (און צוזאַמענלעבן!). מאָסקווע טענהט, אַז קאָ־עקזיסטענץ איז נישט נאָר מעגלעך, נאָר אפילו נויטווענדיק. פאַרן דאָזיקן פּרינציפּ איז זי גרייט אויף אַן אָפענעם ריס מיט די חברים אין פּעקין, וואָס צווייפלען אין דער מעגלעכקייט פון צונויפרעדן זיך מיטן מערב. די סאָוויעטישע שטרעבונג צו שלום דרינגט נישט אַרויס פון מיליטערישער שוואַכקייט. פאַרקערט, דער ראַטנפאַרבאַנד האָט איבערגעיאָגט די פאַראייניקטע שטאַטן נישט נאָר אין חלל, נאָר אַ סברה אויך אויף דער יבשה, אויפן ים, הינטערן וואַסער און אין דער לופט. נאָר אויב געוויסע האַנדלונגען פון כרושטשאָוון כלפּי וואַשינגטאָן זעען אָפּטמאָל אויס עטוואָס נערוועזע, ברוגזע צי אפילו פּראָוואָקאַטיווע, דאַרפן זיי פאַרשטאַנען און אפילו באַרעכטיקט ווערן מיט יענער ספּעציפישער לאַגע, וואָס איז אויף אַ גאָר פּלאַסטישן אופן געשילדערט געוואָרן אין איינער פון די סאָוויעטישע אויסגאַבעס: די מאַפּע פון ראַטנפאַרבאַנד און כינע, „ארומגעשטעלט״ מיט אַמעריקאַנער מיליטערישע באַזעס פון עראָפּלאַנען און געלענקטע ראַקעטעס אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, טערקיי, נאָרוועגן, איסלאַנד — אין אייראָפּע: מאַראָקאָ און ליביע — אין אַפריקע; פּאַקיסטאַן, פיליפּינען, אָקינאַוואַ, יאַפּאַן, דרום־קאָרעאַ — אין אַזיע. פון דריי יבשות באַדראָט מען אויף אַ ממשותדיקן אופן דער סאָוויעטישער מלוכה — און קיינער אין דער וועלט וואָלט נישט מסכים געווען צו אזאַ לאַגע.

מיט איין וואָרט — די היטלעריסטישע אַגרעסיע מיט 21 יאָר צוריק האָט אַ ברירה צו האָבן נאָכפאָלגער. די פלאַנירער פון נייע מלחמות, אָדער די וואָס האלטן אַז דורך באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן קאָן מען לייזן שטרייטן, דאַרף מען דערמאָנען אין טאָג פון ערשטן סעפּטעמבער.

## גרייטן זיי אָן 1־טן סעפּטעמבער אויפן נאָענטן מזרח?

נאָר פאַר אלעמען האָבן, ווייזט אויס, פאַרגעסן אינעם 1טן סעפּטעמבער, אונדזערע אַראַבישע שכנים. זיי האָבן דערקלערט קריג גלייך ביים געבורט פון דער יידישער מדינה. געשלאָגענע, פאַרשפּילטע און קאָמפּראָמיטירטע, האָבן זיי געחתמעט דעם וואָפנשטילשטאַנד־הסכם אין ראָדאָס אין יאָר 1949 — אָבער דאָס געווער נישט געלייגט. וועגן אַ שלום־אָפּמאַך ווילן זיי אפילו נישט הערן. זייערע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס וועגן פאַרניכטן ישראל זענען באַגלייט מיט גאָר פּראַקטישע מעשים: עקאָנאָמישער בויקאָט אויפן גאַנצן פראָנט, אַריינגערעכנט אויך אמעריקאנער און אייראָפּעיִשע פירמעס, וואָס האָבן האַנדלס־באַציונגען מיט ישראל; די בלאָקאַדע פון סועץ־קאַנאַל; אַ קאָנסעקווענטער חרם אין אונ״אָ, אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן און צוזאַמענטרעפן. און איבער אַלעמען — באַוואָפענונג, דאָס גרייטן ריזיקע אַרסענאַלן פון סאָוועטישן, אַמעריקאַנער און ענגליש געווער, וואָס וועט דאַרפן געלאָזט ווערן אין גאַנג ביי דער ״צווייטער רונדע״ קעגן ישראל.

ערשט די טעג איז אין לבנונער דאַטשע שטעטל שאַטוראַ פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די אויסערן־מיניסטאָרן פון די אַראַבישע לענדער. נישט געקוקט אויפן אויסגעוואַקסענעם נאַציאָנאַליזם און פאַן־אַראַביזם, טראָץ זייער אָנגעהעריקייט צו דער אַראַבישער ליגע, האָט מען אויך אויף דער קאָנפערענץ געזען די ערנסטע אונטערשידן און קעגנזאַצן צווישן די באַזונדערע הערשער. נישטאָ קיין געמיינזאַמע שפּראַך צווישן בורגיבאַן און נאַצערן, צווישן חוסיינען און דעם מצרישן קאָלאָנעל, צווישן קאַסעמען און דעם הערשער פון דער פאַראייניקטער אַראַבישער רעפּובליק. זיי האָבן אפילו אין דער ״פּאַלעסטינער פראַגע״ נישט געקאָנט אַדורכקומען און אָפּגעלייגט זי אויף נאָך אַ סעסיע — אָבער קיין איין פאָרשטייער פון וועלכן ס׳איז אַראַבישן לאַנד האָט נישט געהאַט דעם מוט, ווילן און פאַרשטענדעניש צו ריידן וועגן אַ שלום מיט ישראל, וועגן זעצן זיך ביי איין טיש, וועגן בייטן די שנאה און מלחמה־צושטאַנד אויף קאָ־עקזיסטענץ און פרידלעך צוזאַמענלעבן. זייער ״טיי־נצחון״ אין ציילאָן און דער ״טאַבאַק־זיג״ אין טערקיי ווערט באַטראַכט ווי אַ גרויסער דערפאָלג, בעת די עטוואָס אויסגעברייטערטע באַציונגען צווישן ישראל און פערסיע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלן טרויער. אין אפריקע שטעלט מען אונדז אונטער פיסלעך, אין אייראָפּע שאַנטאַזשירט מען קורצזיכטיקע פּאָליטיקער און פון ״ביידע גרויסע״ פּרעסט מען אַרויס וואָס מערער דאָלאַרן און רובלס, ווייץ און מאַשינען.

די מפּלה פון די אַראַבער אין יאָר 1948 האָט זיי נישט געלערנט, פּונקט ווי דייטשלאַנד האָט זיך נישט אַראָפּגענומען דעם ריכטיקן מוסר־השכל פון איר קאַפּיטולאַציע אין מאַי 1945. די גרויסמאַכטן שטיצן דעם באַזיגטן אַגרעסאָר אויפן נאָענטן מזרח, פּונקט ווי מען האָט דאָס געטאָן און מען טוט דאָס אין הארץ פון אייראָפּע. די רייד אין קאַיר, ראַבאַט־אַמאַן, באַגדאַד און ביירוט וועגן צוריקקערן פּליטים און דער ״גאַנצקייט פון אַראַבישן פאָטערלאַנד״, זענען אַ טרייער עכאָ פון יענע דעקלאַראַציעס וואָס אַדענאַוער און פּרעזידענט ליבקע האָבן געלאָזט הערן אין דיסלדאָרף און אין מינכען.

...אַן ערשטער סעפּטעמבער איז אויך מעגלעך אין אונדזער ראַיאָן.

## ״קראָמיע יעוורעיעוו״

נאָך דער 2 טער וועלט־מלחמה, זענען דרייסיק מדינות געוואָרן זעלבשטענדיק. בנוגע 29 פון זיי, האָט די אַראַבישע וועלט משלים געווען מיט זייער אומאָפּהענגיקייט, אָנווענדנדיק נאָר לגבי אונדז דעם ״קראָמיע יעוורעיעוו״. אין יאָר 1920, ווען די וועלט האָט געציילט $1^3/_4$ מיליאַרד

מענטשן, האָבן 1⅓ מיליאַרד געלעבט אין קאָלאָניעס. איצט, ווען די באַפעלקערונג פון דער וועלט ציילט 2 מיליאַרד 900 מיליאָן, געפינען זיך נאָר 100 מיליאָן אונטער דער קאָלאָניאַלער הערשאַפט. אוודאי האָט די לבנונער קאָנפערענץ געוווסט וועגן די דאָזיקע ענדערונגען אין די לעצטע 40 יאָר. זיי גופא האָבן זיך באַפרייט פון בריטישער און פראַנצויזישער אפּוטרופסות. נאָר אויך אין דעם פאַל טריי געבליבן דעם פּרינציפּ פון "קראָמיע יעווריעיוו", גלייך די אַלע עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן האָבן נישט קיין שיכות צום יידישן פאָלק. זיי ווילן זיך מאַכן פאַרזען די לערע פון 1 טן סעפּטעמבער 1939, וואָס האָט אויך געהאַט אין פּלאַן "אייראָפּע אָן יידן". דאַרף מען זיי היינט ווידעראַמאָל דערמאָנען יענע דאַטע, וואָס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן דורך אונדז אין אוודאי און אוודאי — דורך אַנדערע.

(י"ש ת"א, 1.9.60)

# אייכמאַן־פּראָצעס

סטעפאַן זשעראָמסקי, איינער פון די פּוילישע דענקער און פען־מענטשן, האָט אמאָל געשריבן: "דאָס פאַרברעכן, ווען מ'זאָל עס נישט האָבן אדורכגעפירט — שטאַרבט קיינמאָל נישט. עס קומט נאָך דער געהיימניספולער באַצאָלונג אין דער אומגעריכטער שעה..." אזוי איז געשען מיט אדאָלף אייכמאַן, וועמענס רציחות איבערן יידישן פאָלק וועלן קיינמאָל נישט שטאַרבן. אין אַ מאָמענט ווען ער האָט זיך אמווייניקסטן געריכט, האָבן יידיש־ישראַלדיקע יונגעלייט אים פאַרכאַפּט אין בוענאָס־איירעס מיט א קאַרג יאָר צוריק און געבראַכט אהער. איצט שטייט ער פאַרן ירושלימער געריכט און וואַרט אויף דער פּולער באַצאָלונג.

**13 יאָר אנטקעגן טויזנט...**

וויפל סימבאָליק איז פאַראַן אין דעם פאַקט, וואָס אַ פאָרשטייער פונעם "טויזנטיאָריקן רייך", די דאָזיקע פאַרברעכערישע מלוכה, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַהערשן אַ וועלט, פאַרניכטן פעלקער און איינפירן די "נייע אָרדענונג" פון צוואַנג און גוואַלד, שטייט איצט פאַרן ריכטער־קאָמפּלעט פון אַ מדינה, וואָס גרייט זיך צו פייערן איר בר־מצוה. די געשיכטע האָט נישט געקאָנט טרייבן אַ גרעסערן חוזק איבערן היטלעריזם, ברענגענדיק פאַרן משפּט פון אַ 13־יאָריקער מדינה איינעם פון די הויפּט־מערדער פון אונדזער פאָלק. יידישע ריכטער, אין דער אַלט־יידישער שטאָט, אויפן לשון פון אונדזערע אבות־אבותינו און פון דער יידישער מדינה, וועלן לויט אַלע כללים פון מענטשלעכן צדק און יושר, משפּטן אַדאָלף אייכמאַן — דעם רעאַליזאַטאָר פון דער "ענטגילטיקער לייזונג" פאַרן יידישן פאָלק.

נאַצישע הויף־דיכטער בימי היטלער, ווען זיי וואָלטן געשריבן אַ פּאָעמע ווי אַזוי מ'האָט אויסגעהרגעט דאָס יידישע פאָלק, וואָלטן אוודאי די דאָזיקע שאַפונג געווידמעט דעם איצטיקן באַשולדיקטן אַדאָלף אייכמאַן, וואָס האָט מיטן מאַנדאַט פונעם דריטן רייך און אין דער ראַנגע פון אַן אָבערשטורעמבאַנפירער אָנגעוואָנדן אַלע מיתה־משונהס אומצוברענגען אונדזערע אחינו בני ישראל. זיין לייבנשאַפט, ציל, שטרעבונג און מיסיע איז געווען — וואָס שנעלער און עפעקטיווער אַדורכצופירן די מאַסן־פאַרניכטונג פון אייראָפּעישן יידנטום. יענע שורה אינעם "האָרסט וועסעל ליד" ("ווען יידיש בלוט פון מעסער שפּריצט"), האָט ער גענומען ביז גאָר ערנסט. די שעכטהייזער פאַרן יידישן פאָלק, ווי אוישוויץ און מיידאַנעק, סאָביבאָר און בעלזשעץ, פּלאַשאָוו און גראָסראָזען, ראַווענסבריק און בערגען־בעלזען, טרעבלינקע און מאַטהאַוזען, זענען געווען די "געצערטלטע קינדער" פון אַדאָלף אייכמאַן. אַהין האָט ער געשיקט טראַנספּאָרטן מענער, פרויען און קינדער צו "באַזונדערער באַהאַנדלונג". מיליאָנען פון זיי, נאָך איידער זיי זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן, האָבן געהאַט אויסצושטיין קלעפּ, באַליידיקונגען, שקלאַפן־אַרבעט, הונגער, קראַנקייטן. די היטלעריסטישע מאָרדמאַשין האָט אַזוי געאַרבעט, אַז די אינטערנירטע אין

די לאַגערן האָבן אינעם טויט געזען אַן אויסלייזונג פֿאַר זייערעליידן און פּיין. צו פֿאַרפֿולקאָמען די דאָזיקע מאָרד־מאַשין, פֿאַרגרעסערן דעם סאַדיזם און קאַניבאַלישקייט אין די אַלע לאַגערן, צופּאַסן די גאַז־קאַמערן און די אויוונס זיי זאָלן אַרבעטן אינטענסיווער און פּראָדוקטיווער — האָט געזאָרגט אַדאָלף אייכמאַן.

## געפֿונען פֿאַרטיידיקער

ווען דעם האָט אַ וועלט געוווּסט, געשריבן, גערעדט. פֿונדעסטוועגן איז דעם דאָזיקן רוצח, אונטערן פֿאַלשן נאָמען פֿון ריקאַרדאָ קלעמענט, געלונגען צו אַנטלויפֿן קיין בוענאָס־איירעס מיט דער הילף פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ און פֿון דעם וואַטיקאַן. אין אַרגענטינע האָט אים דערגרייכט די נקמה־נעמערישע האַנט פֿון פּאָרשטייער פֿון דעם פֿאָלק, וועלכן אייכמאַן האָט באַדאַרפֿט אומברענגען. אָבער גלייך איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם, מ׳האָט אַפֿילו דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע צום זיכערהייטס־ראַט, פֿאַרשידענע ״שיינגייסטער״ און בעלי־רחמים האָבן פּראָטעסטירט, הלמאי מ׳האָט פֿאַרלעצט די טעריטאָריע פֿון אַ פֿרעמדער מדינה, דורך אַרויסגנבענען אירס אַ בירגער: הלמאי מען וועדנדעט אָן מעטאָדן פֿון ״קידנעפּעריי״ כלפּי אַ פֿאַרברעכער. די אַלע מאָראַליסטן האָבן זיך נאָר געמאַכט פֿאַרגעסן, אַז קודם האָט אייכמאַנס מדינה פֿאַרלעצט די סווערעניטעט פֿון כמעט אַלע אייראָפּעיִשע לענדער, אַדורכגעפֿירט דאָרט דעפּאָרטאַציעס פֿון מיליאָנען, אומברענגענדיק דערביי אויך שוצלאָזע און אומשולדיקע קינדער. און אַמיינסטן האָט שאָקירט די דאָזיקע לייט, וואָס אייכמאַן וועט געמשפּט ווערן דורך אַ ישׂראלדיקן געריכט.

דערפֿאַר האָט אַ סך יידן אין לאַנד און אין אויסלאַנד ווי געטאָן דאָס ״צאַצקען זיך״ מיט אייכמאַנען, דאָס האַלטן אים אין באַקוועמע באַדינגונגען אין אַרעסט, דאָס דערמעגלעכן אים לייענען ביכער און אָנווענדן די גאַנצע געריכטלעכע פּראָצעדור, ווי פֿאַר יעדן נאָרמאַלן פֿאַרברעכער. אין בריוו אין רעדאַקציעס און פּריוואַטע געשפּרעכן האָט זיך געהערט די פֿאָדערונג גלייך צו טויטן אייכמאַנען, אפֿשר פֿריער אָנווענדן עטלעכע מיתה־משונהס, ווי ער האָט עס געטאָן כלפּי יידן אין די געטאָס און לאַגערן.

אַוודאי איז אין די אַלע פֿאָדערונגען געווען געררעכטער צאָרן און אַ באַרעכטיקט נקמה־געפֿיל כלפּי דעם דאָזיקן טייוול אין מענטשלעכן געשטאַלט, אויף וועמענס געוויסן (אויב ער האָט נאָך אַזעלכעס) עס ליגט דער אומקום פֿון מיליאָנען מענטשן. מען האָט אָבער פֿאַרגעסן, אַז מיר זענען פֿאָרט אַ מדינה, וואָס מוז זיך אויך רעכענען מיטן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ און מיט פּרעצעדענסן לגבי קריגס־פֿאַרברעכער אויפֿן נירנבערגער פּראָצעס און אויף אַ גאַנצער ריי משפּטים איבער היטלעריסטישע מערדער אין די אייראָפּעיִשע לענדער. איינס פֿון די לייכטסטע זאַכן איז געווען, אַז די זעלבע ישׂראלדיקע יונגעלייט וואָס האָבן געכאַפּט אייכמאַנען, זאָלן אים ״שטיל מאַכן״ נאָך דאָרט, אין בוענאָס־איירעס. דווקא דאָס שווערע און קאָמפּליצירטע איז באַשטאַנען אין דעם, ער זאָל געבראַכט ווערן קיין ישׂראל, דאָ געשטעלט ווערן פֿאַר אַ געריכט. און גוט איז געשען, וואָס דווקא אין ירושלים זאָל זיך הערן דער פּסק־דין איבערן פֿאַרברעכער. מען מוז באַגרייפֿן די גרויסקייט און דערהויבנקייט פֿון אָט דער געשעעניש וואָס הייסט: אַדאָלף אייכמאַן, אַ בולטער פֿאָרשטייער פֿון היטלעריסטישן דייטשלאַנד, ווערט געמשפּט אין מדינת ישׂראל.

## זייער האַלטונג איז נישט ווי דימיטראָוווס

ערשט צוויי טעג ווי דער פּראָצעס פֿירט זיך. מיר האָבן נאָך נישט קיין בילד ווי אַזוי דער מערדער האַלט זיך אויפֿן פּראָצעס גופֿא. די ביז איצט פֿאַרעפֿנטלעכטע קאַרגע באַריכטן פֿון דער אויספֿאָרשונג גופֿא דערציילן, אַז קיין גרויסע גבורה האָט ער נישט אַרויסגעוויזן. זיין פּלאָנטערן מיטן צונג ״איך געדענק נישט״, זיין כסדריק טיטולירן דעם אויספֿאָרשונג־ריכטער ״הער קאַפּיטאַן״ און אַפֿילו זיין ״שיטן״ אויף רעכטס און אויף לינקס, באַווייזן די דאָזיקע נאַצישע ״העלדן״ אין זייער גאַנצער געפֿאַלנקייט, פּחדנות און געמיינקייט. כאַראַקטעריסטיש, אַז כמעט קיין איינער פֿון

די געמשפטע היטלעריסטישע קריג־פֿאַרברעכער האָט סיי אין נירנבערג, סיי אין די אַנדערע לענדער ווו זיי האָבן באַדאַרפֿט אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פֿאַר זייערע רציחות, נישט אַרויסגעוויזן קיין שום מוט, שטאָלץ, אַדער געקלאַמערט זיך ביי זייערע אנשויאונגען. ווער געדענקט נישט די ווירדיקע האַלטונג פֿון דימיטראָוון בעתן לייפּציקער פּראָצעס? וויפֿל מוט און אידעאַליזם האָבן אַרויסגעוויזן קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און יידישע קעמפֿער כלפּי ריכטער און געריכטן פֿון קעגנערישע רעזשימען, וועלכע האָבן זיי געמשפּט — בעת כמעט אַלע היטלעריסטישע גדולים פֿלעגן בעטן אויף זייער לעבן און דערביי אַזוי שפּלדיק זיך פֿאַרטיידיקן, אַז מער ווי עקל האָט עס נישט געקאָנט אַרויסרופֿן. וואַרשיינלעך וועט אויך אַדאָלף אייכמאַן נאָכפֿאָלגן זיינע רוצחישע קאָלעגן און פֿאַרן ירושלימער געריכט נישט פּרוּוון באַרעכטיקן זיינע בלוטיקע מעשים, נישט דעמאָנסטרירן זיין נאַצישע אידעאָלאָגיע און אוודאי נישט שטאָלצירן מיטן טראָגן די דירעקטע אחריות פֿאַרן מאָרדן יידן. מיר געדענקען נאָך גוט ווי פּחדנותדיק עס האָט זיך אויפֿגעפֿירט פֿאַרן וואַרשעווער געריכט עריק קאָך, דער נאַצישער גאַולייטער אין מזרח־פּרייסן און אין ביאַליסטאָק. די אַלע לייט האָבן זיך געפֿילט פֿעסט און זיכער, ווען זיי זעלבסט האָבן געטראָגן מיליטערישע מונדירן און הינטער זיי זענען געשטאַנען די דייטשישע ווערמאַכט, די ס.ס., ס.א., די זיכערהייטס־דינסט, פּאָליציי און זייערע געהילפֿן — די פּאָליאַקן, לעטן, אוקראַינער, ליטווינער און עסטאָנער. פֿאַר די געריכטן, געמשפּט אַלס קריגס־פֿאַרברעכער, דערשיינען זיי אין זייער גאַנצער אידיעישער נאַקעטקייט און מענטשלעכער געפֿאַלנקייט.

**דער אייכמאַניזם איז נאָך נישט פֿאַרשוווּנדן**

צו די איצטיקע געריכטס־פֿאַרהאַנדלונגען אין ירושלים איז אויך פֿאַראַן אַ רעאַלע ווירקלעכקייט, וואָס איז נאָך נישט מסוגל צו געבן די פֿולע טרייסט און דעם אַבסאָלוטן גענוס פֿון כאַפּן אייכמאַנען. ווייל הונדערטער און טויזנטער נאַצי־פֿאַרברעכער, די אייכמאַנס פֿון קלענערן און גרעסערן קאַליבער, דרייען זיך נאָך אַרום — ווער פֿראַנק־און־פֿריי און ווער אין קאָנספּיראַציע. זיי האָט נאָך נישט דערגרייכט אונדזער יוסטיץ, אויך נישט די פּאָליציייאישע און געריכטלעכע אָרגאַנען פֿון אַנדערע מדינות. אין פֿיל לענדער גיט מען זיי אַזיל־רעכט, אויך פֿולע בירגערשאַפֿט און "אינטערפּאָל" — די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליציי־אָרגאַניזאַציע — טענהט, אַז די פֿאַרברעכנס וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין מזרח־אייראָפּע, טראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער און זייערע אויספֿירער מעגן דערפֿאַר געניסן פֿון אומבאַרירלעכקייט...

ריטשארד קראָסמאַן און אַ ריי צייטונגען אין דער וועלט, זענען איבערצייגט, אַז דער אייכמאַן־פּראָצעס וועט אַרויסרופֿן אַן אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין פֿיל לענדער. דאָס מיינט, אַז הינטער אייכמאַנען שטייט נאָך אַ באַוועגונג וואָס וויל אים נעמען אין שוץ און דעמאָנסטרירן איר סאָלידאַרטעט מיט זיינע פֿאַרברעכנס. דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם, אויב ער וועט טאַקע אויסברעכן, מוז נישט באַגרענעצן זיך בלויז צו דייטשלאַנד, נאָר אויך אין ביידע אמעריקעס, אויסטראַליע און אַנדערע אייראָפּעישע לענדער.

אויך די נעכטיקע מערבדיקע פֿאַרבינדעטע אין דער אַנטי־היטלעריסטישער קאָאַליציע טיילן הויכע מיליטערישע שטעלעס באַוווסטע נאַצי־פֿאַרברעכער און גענעראַלן פֿון דער רייכסווער.

**צוטרוי דעם געריכט**

זייער פֿיל האָט מען גערעדט און געשריבן וועגן געוויסע שריט מצד אָפֿיציעלע ישראל־פֿאַקטאָרן וואָס האָבן געגרייט דעם איצטיקן משפּט און מ'האָט זיי דערביי פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז זיי ווילן נישט רייסן צופֿיל די אויגן מיט אייכמאַנס אַנטפּלעקונגען: באַגרענעצן זיינע מעשים צום בלויזן נעכטן, ער זאָל נישט אָנרירן געוויסע פּערזענלעכקייטן און פּאָזיציעס אינעם היינטיקן דייטשלאַנד, ווו עס ווימלט נאָך פֿון נאַצישע קריגס־פֿאַרברעכער. ווייסן מיר נישט גענוי וויפֿל אמת ס'איז אין דעם פֿאַראַן, צי אינסינואַציעס, אַז ישראל זאָל זיך אונטערגעבן אויסערלעכן

דרוק און נישט משפטן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט דעם דאָזיקן פאַרברעכער און אויך די וואָס ווילן אים געבן דעקונג. ווייל דער באַשולדיקונג־אַקט קעגן אייכמאַנען דאַרף אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָנקלאַגע קעגן זיינע פאַרטיידיקער און קעגן די אַלע כוחות אין דער וועלט וואָס ווילן אויף אונדז, דעם גרעסטן קרבן פון זיינע רציחות, אויפצווינגען שטילשווייגן און פאַרטושונג. איצט ווייסן מיר, אַז די אַלע מאַכינאַציעס, אויב זיי עקזיסטירן, געפונען זיך שוין נישט אין תחום פון ציווילע, פּאָליטישע, צי פּאָליצייאישע אינסטאַנצן. אַדאָלף אייכמאַן געהערט איצט צו דריי ריכטער פון מדינת ישראל — און אונדזער געריכט־וועזן, ווי באַוווּסט, האָט אָנגעשריבן אַ הערלעך בלאַט פון אָביעקטיוון משפּט, ערלעכן צוגאַנג און מוטיקע אַנטשיידונגען.

די יידישע ריכטער וואָס משפּטן איצט אייכמאַנען, טאָרן נישט פאַרגעסן די הייליקע צוואה פון די גוססדיקע קעמפער אין די געטאָס, פון די פאַרגאַזטע אין די טויט־לאַגערן: ״אויב ס'וועט בלייבן לעבן כאָטש איין ייד — זאָל ער פאַר אונדז נקמה נעמען!״

## דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון פּראָצעס

דער איצטיקער פּראָצעס, הגם ער קומט פאָר אין דער הויפּטשטאָט פון דער יידישער מדינה, טראָגט אָבער אויך אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אייכמאַן האָט טאַקע אָנגעפירט מיט דער ״יידישער אָפּטיילונג״ פונעם דריטן רייך, אָרגאַניזירט די טראַנספּאָרטן אין די טויט־לאַגערן. אָבער גלייכצייטיק האָט ער אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז די דייטשישע טעכניק פון פאַרגאַזן און פאַרברענען מענטשן זאָל אויך גרייכן צו אַנדערע פעלקער. נאָך אין יאָר 1945, ווען ס'איז דערשינען איינס פון די ערשטע שוידער־ביכער וועגן אוישוויץ (סעווערינאַ שמאַגלעווסקאַ — ״רויך איבער בירקענאו״), שרייבט די אויטאָרין אינעם אַריינפיר:

**״אין די קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ און בירקענאַו זענען ביזן טאָג פון 18־טן יאַנואַר 1945 פאַרברענט געוואָרן אַרום פינף מיליאָן מענטשן. פון דעם פאַלט אויס איבער דריי מיליאָן אויף יידן פאַרסמטע מיט גאַז אָדער געשטאָרבן אין רעזולטאַט פון עפּידעמיעס. די אַנדערע זענען: אַריער, אַלזאָ — פּאָליאַקן, אַרעסטירטע דורך געסטאַפּאָ אָדער אויפשטענדלער געבראַכטע פון וואַרשע, רוסן, יוגאָסלאַוון, טשעכן, ענגלענדער, האָלענדער, פראַנצויזן, בעלגער, איטאַליענער, אוקראַאינער, עסטאָנער, דייטשישע קרימינאַליסטן — קינדער פון פאַרשידענע פעלקער, געברענגטע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אָדער געבוירענע אין לאַגער, אויך ציגיינער, וועמען מ'האָט באַהאַנדלט ווי יידן, אַוועקפירנדיק צום פאַרגאַזן אַ גאַנצן טאַבאָר פון ציגיינערישע משפּחות, וואָס האָבן זיך פריי פאַרמערט. די דאָזיקע ציפערן גיב איך אָן אויף פיל־וויניק, אונטערשטרייכנדיק, אַז זיי זענען גענומען געוואָרן אין דער צייט פון ליקווידירן דעם לאַגער, ביי מענטשן באַשעפטיקטע אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון אוישוויץ״.**

## דער לעצטער שמייכל...

היינט ווערט אין מדינת ישראל אַדורכגעפירט דער ״יום השואה והגבורה״, צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע יידן. אין קעגנזאַץ צו די היטלעריסטן, וואָס האָבן אויסזידלונגען, מאַסן־דערשיסונגען, אָדער אַריינטרייבן אין די געטאָס אַדורכגעפירט דווקא אין די טעג פון יידישע יום־טובים, וועט אייכמאַן היינט געניסן פון אַ רו־טאָג. ער וועט היינט פאַרן געריכט נישט שטיין, היינט וועלן ער און זיינע פאַרטיידיקער — ד״ר סערוואַציוס און ד״ר וואַכטענברוך — זיך אויסרוען. וועט דער נעכטיקער נאַצי און זיינע היינטיקע פאַרטיידיקער אַ טראַכט געבן אין דעם דאָזיקן טאָג וועגן באַטייט פון ״יום השואה״ און וועגן איבעררייס אין פּראָצעס צוליב דער דאָזיקער דאַטע?

ווען דאָס דריטע רייך האָט גענומען קראַכן און אַדאָלף אייכמאַן האָט אַ טראַכט געגעבן וועגן זעלבסטמאָרד, כדי צו אַנטלויפן פון דער אחריות, האָט ער זיך פאַרטרויט פאַר אַן אַנדערן נאַצישן גדול, ד. וויסליצני: ״איך וועל שפּרינגען אין קבר מיט אַ שמייכל אויפן פנים, ווייל דאָס געפיל אַז

איך בין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן טויט פֿון זעקס מיליאָן מענטשן, וועט מיר לייכטער מאַכן אויף דער נשמה"...

דער ישראלדיקער גזר־דין וועט אוודאי נישט דערלויבן אייכמאַנען שפּרינגען אין קבר. מען וועט אים דאָרט אַריינלייגן. דאַן וועט זיך אים שוין נישט גלוסטן שמייכלען...

(י"ש ת"א, 1961)

# א פֿאָלק מיט זכרון

באלד אין די ערשטע יאָרן נאָכן חורבן, האָט מען געהערט די טענה, אַז אחינו בני ישראל הייבן אָן פֿאַרגעסן וואָס מיט זיי האָט געטראָפֿן אין די יאָרן 1939־1945; אַז די קרבנות פֿון דער גרעסטער טראַגעדיע אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט ווילן פֿון זיך אָפּטרייסלען דעם גרויל פֿון יענע טעג און פֿאַרווישן אין זיך די שפּורן פֿון דער געשפּענסטיקער צייט. אוודאי איז אַ לעבנגעבליבענעם ייד וואָס האָט פֿאַרלוירן זיינע נאָענטסטע, נישט לייכט געווען צו פֿאַרהיילן די אייטערדיקע ווונד, אָדער אַ געוועזענעם קאַצעטלער — באַפֿרייען זיך פֿון דער "פּאַנאָראַמע" פֿון מיידאַנעק צי אוישוויץ. דאָס אומגליק איז געווען צו פֿריש און די בראָך — צו גרויס. פֿונדעסטוועגן איז געווען אַ טענדענץ, געדאַנקלעך, צו דערווייטערן זיך פֿון יענע טעג.

עס ווערט אפֿילו דערציילט, אַז אונטער די קלאַנגען פֿון דער מעלאָדיע "זאָג נישט קיינמאָל דו גייסט דעם לעצטן וועג", האָבן געוויסע יידן אין אַמעריקע געטאַנצט אַ טאַנגאָ, אָדער זיך אונטערגעהאַלטן אויף אַ "קאָקטייל־פּאַרטי". געווען אין דעם נישט אַזויפֿיל חילול־השם, ווי די שטרעבונג צו מאַכן זיך פֿאַרגעסן אין די נאַצי־רציחות כלפּי דעם יידישן פֿאָלק. אויך די געטאָ־אַקאַדעמיעס אין טאָג פֿון 19טן אַפּריל אין די תפֿוצות און אין ישראל זענען פֿון יאָר צו יאָר ווייניקער באַזוכט געוואָרן און מיט דער צייט האָבן זיי שוין נישט אַרויסגערופֿן יענע רעפֿלעקסן, איבערלעבונגען, אָפּקלאַנגען און אינטערעס, ווי אין די ערשטע יאָרן נאָכן אומגליק. געווען אַ חשש, אַז אונדזער דור און דער וואָס קומט נאָך אים, וועלן ביסלעכווייז אויסמעקן פֿון זייער זכרון די טעג פֿון אומקום און אויפֿשטאַנד, פֿאַרגעסנדיק וואָס דער מאָדערנער עמלק האָט מיט אונדז געטאָן.

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דערשיינונגען ביי יחידים,צי אפֿילו ביי גאַנצע יידישע קיבוצים אין דעם אָדער יענעם לאַנד, האָט מען נישט געטאָרט פֿאַראַלגעמיינערן אָדער צושרייבן אויפֿן חשבון פֿון גאַנצן פֿאָלק. גענוג צו באַזוכן די אויסשטעלונג פֿון יזכור־ביכער נאָך די חרוב־געוואָרענע קהילות אין אייראָפּע, וואָס האָט זיך פֿאָריקן חודש געעפֿנט אין תל־אביב, כדי זיך איבערצייגן, ווי וויית דער פֿאָלקס־זכרון האָט אָפּגעהיטן און פֿאַראייביקט יענע שוידער־טעג און מיט אַזויפֿיל ליבע און פּיעטעט באַשריבן די שטעט און שטעטלעך פֿאַרן און בעת דעם חורבן.

*

181 ביכער, פֿון פֿאַרשידענע גרייסן, מיט געצייכנטע און גלאַטע טאָוולען, זענען אויסגעלייגט אינעם תל־אביבער מוזיי פֿאַר יידישער פֿאָלקס־קונסט א. נ. "גאַנזא". אויב משפּטן לויט דער דאָזיקער אויסשטעלונג, זענען מיר באמת אַן "אתה בחרתנו". ס'איז זיך נישט פֿאָרצושטעלן, אַז וועלכעס פֿאָלק אין דער וועלט זאָל האָבן געשאַפֿן אַזאַ סאָרט ליטעראַטור, אַזעלכע ביכער־מאָנומענטן נאָך זייערע שטעט וואָס זענען געווען — און עקזיסטירן נישט מער. נישט וויכטיק, וואָס אומבאַהאָלפֿענע שרייבערריי פֿלעכט זיך דאָ צונויף מיט טאַלאַנטפֿולע שילדערונגען און הויך־קינסטלערישע באַשרייבונגען פֿון אַ שפּרודלדיק יידיש־געזעלשאַפֿטלעך לעבן אין יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דער אונטערשטער שורה זענען דאָס פּנקסים פֿון חרוב־געוואָרענע קהילות, געהייליקטע בלעטער וועגן פֿאַרפּייניקטע קדושים, זכרונות און שילדערונגען פֿון דער "שארית־הפּליטה, וואָס דערציילן פֿון ליידן און פֿריידן, אויפֿשטייג און אונטערגאַנג פֿון צענדליקער יידישע

ישובים אין דער אַלטער היים. יעדער פּאַרטיי, אָרגאַניזאַציע צי געזעלשאַפט, יעדע צדקה־חברה, יעדער "שטיבל" און בית־המדרש, דער רב און דרדקי־מלמד, די עכטע פּערזענלעכקייט און דער "שטאָט־משוגענער" — אַלע האָבן זיי באַקומען אַ תיקון אין די יזכור־ביכער, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ קוואַל פֿון פֿאָלקלאָר, יידישן לעבנס־שטייגער, גרויסע קולטור־אויפטוען, געראַנגל צווישן דעם פֿרום־פֿאַנאַטישן עלטערן דור מיט די אויפגעקומענע משכילים אין שטעטל. דאָרט ווערט געשילדערט דער פֿאַרמעסט צווישן חסידיזם און ציוניזם; צווישן די וואָס האָבן געשטרעבט צו אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים און צווישן די וואָס האָבן דאָס באַקעמפֿט ווי אַ געפֿערלעכע אוטאָפּיע; צווישן דעם יידישן אַרבעטער און זיינע עקספּלאָאַטאַטאָרן; דער אידעישער געראַנגל; די מלחמה מיט דער אַסימילאַציע. און נישט קיין אָנערקענטע היסטאָריקער, צי גרויסע שרייבער האָבן דאָס געשילדערט, נאָר "עמך", אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט, יידן פֿון אַ גאַנץ יאָר, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט וועלכע ס'איז ליטעראַרישע אַמביציעס — נאָר פּשוט געפֿילט אַ נאַציאָנאַלע באַדערפֿעניש צו באַשרייבן דאָס איבערגעלעבטע. אַרויסגעבן ביי זיי אַ יזכור־בוך האָט געמיינט — דערפֿילן אַ נאַציאָנאַלע שליחות.

*

פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז די אויסגעשטעלטע ביכער זענען כמעט איינהייטלעך אין זייער תוכן. עס וואָלט אָבער געווען פֿאַלש צוצושרייבן די דאָזיקע ספֿרים אַ סטאַנדאַרט, אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. ווייל די **געאָגראַפֿיע** פֿון דער יזכור־ליטעראַטור האָט אויך געשאַפֿן **די ספּעציפֿישקייט** פֿון יעדן באַשריבענעם ישוב. אוודאי איז אין יעדער שטעטל געגרינדעט געוואָרן אין דעם און דעם יאָר אַ הילפֿס־פֿאַראיין, אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, אַ פֿילאַנטראָפּישע חברה — און טאַקע פֿון דעם כאַראַקטער און די זעלבע אויפֿגאַבן. אָבער די סביבה, אַטמאָספֿער און באַדינגונגען זענען געווען לגמרי אַנדערע אויף יעדער אָרט, ווי בולט ס'איז דער אונטערשייד אין די אויסגעשטעלטע ביכער אינעם "גאַנזא"־מוזיי. אָט זעט איר אַ דין ביכל "חורבן קאָרעץ" — 78 זייטלעך, אַרויסגעגעבן אין פּאַריז — און דערלעבן דאָס יזכור־בוך קאָריוו — אַ בוך אַ פֿאַרנעם, ענציקלאָפּעדישער פֿאָרמאַט און דרוק, 1152 שפּאַלטן, דערשינען אין תל־אביב. און בשכנות פֿון די 81 זייטלעך "**פּנקס קדושי קהילת קוסוב־פּודלסקי**", און דער "פּנקס קאַלאַמיי", וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין יאָר 1957 (448 ז"ז).

און נאָך עפּעס וועגן דער "געאָגראַפֿיע":

פֿאַראַן דאָרט נעמען פֿון אַזעלכע יידישע ישובים, וואָס איך שעם זיך נישט מודה צו זיין, אַז צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו לייענען וועגן זיי. **אייזענשטאַט** און **איזאַבעלין**, **גוניונדז** און **דראָגיע**, **טרוקי** און **לענין**, **מאַסט** און **סאָפּאָטקין**, **סקאַלאַט** און **ראַש**, **שאַרקויסזענע** און אַנדערע. אוודאי אויף די פֿינגער צו ציילן די שארית־הפּליטה פֿון די דאָזיקע ישובים. אָבער וויפֿל אחריות און ווילן אָנצוהאַלטן דעם פֿאָלקס־זכרון האָבן אַרויסגעוויזן די לאַנדסמאַנשאַפֿטן און באַזונדערע טוער פֿון די אַלע שטעטלעך, ביים אַרויסגעבן די פֿאַרשידענע יזכור־ביכער.

און די ערטער ווו די ביכער זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן? מילא, פֿון ירושלים און תל־אביב איז אָפּגערעדט. די צוויי שטעט זענען דאָך געוואָרן דער צענטער פֿון פֿאַרלעגערישער און רעדאַקטאָרישער טעטיקייט פֿאַר יזכור־ביכער. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אפֿילו אויף דער פֿאַרשאָלטענער דייטשישער ערד, באַלד נאָכן חורבן, האָבן די וואָס זענען דאָרט געזעסן אין די די. פּי.־לאַגערן און געוואַרט אויף אַ מעגלעכקייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, האָבן שוין דאַן געפֿילט אַ באַדערפֿעניש צו באַשרייבן זייערע אומגעבראַכטע קהילות. אין מינכען, אין יאָר 1948, זענען דערשינען 150 זייטלעך: "יזכור, צום אָנדענק פֿון די קדושי קראַסניסטאָוו"; אין שטוטגאַרט 1948 — "דאָס יידישע ראַדאָס אין חורבות", אָנדענק־בוך (227 ז"ז); "עס שטאַרבט אַ שטעטל" (מגילת סקאַלאַט), מינכען 1948, 184 ז"ז; פֿאַראַן אפֿילו אַ גאַנצער ספֿר אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע "חורבן טשענסטאָכאָוו" — 463 ז"ז, אַרויסגעגעבן דורך דער צענטראַל פֿאַרוואַלטונג פֿון דער טשענסטאָכאָווער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין

דייטשלאַנד (1948). הגם נאָר די דאָזיקע פּאָזיציעס זענען פאַרטראָטן אויף דער אויסשטעלונג, איז אָבער אָנצונעמען, אַז זייער צאָל איז אַ פּיל גרעסערע, ווייל מיר געדענקען נאָך גוט די פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און פּובליציסטישע טעטיקייט וואָס איז אין די יאָרן 1945־1950 געפירט געוואָרן אין דייטשלאַנד.

די אַנדערע ביכער זענען דערשינען: אין ניו־יאָרק און בוענאָס־איירעס, אין אורוגוויי און מעקסיקע, אין דרום־אַמעריקע און אין פּאַריז. אומעטום האָט מען געוואָלט פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די פאַרשניטענע קהילות, פאַרפיקסירן די איבערלעבונגען פון גאַנצע שטעט און שטעטלעך, דערציילן וועגן דעם שוויס און פראַצע וואָס יידן האָבן אַריינגעלייגט אין אַנטוויקלען און אויפבויען ישובים אין אייראָפּע — און דעם שוידערלעכן שכר מצד די דייטשישע מערדער און זייערע אַרויסהעלפער אין די סלאַווישע און באַלטישע לענדער...

*

אַ צופאַל, אָדער נישט — די אויסשטעלונג פון יזכור־ביכער איז דערעפנט געוואָרן אַ טאָג פאַרן אָנהייבן זיך פונעם אייכמאַן־פּראָצעס. און פונקט ווי פאַרן ירושלימער געריכט ווערט אַרויסגעברענגט די געאָגראַפיע פון חורבן דורך דערקלערונגען פון עדות וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע אייראָפּעישע לענדער, אַזוי דערציילט די תל־אביבער אויסשטעלונג וועגן חורבן פון קליינע און גרויסע ישובים. ווען אייכמאַן וואָלט נישט געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס באַנק אין ירושלים, זענען די אויסגעשטעלטע ביכער אַן אויטענטישער און אויפשווידערנדיקער באַשולדיקונג־אַקט כלפּי דעם צורר. דער ים טרערן און פּיין וואָס פלייצט איצט פונעם "בית העם" אין דער הויפּטשטאָט פון דער יידישער מדינה, האָט באַקומען אַ צושטראָם פון דער תל־אביבער אויסשטעלונג.

יידן האָבן נישט פאַרלוירן און ווילן נישט פאַרלירן דעם זכרון! די 181 אויסגעשטעלטע ביכער שפּיגלען ווייט נישט אָפּ דאָס אַלץ וואָס איז ביז איצט דערשינען פון דעם סאָרט ליטעראַטור. נאָך צענטליקער אַזעלכע ביכער געפינען זיך איצט אין צוגרייטונגען. דער פיבער אַרויסצוגעבן פנקסים נאָך אומגעקומענע יידישע קהילות האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפטן און יחידים.

דער געזעלשאַפט "פריינד פון ייוואָ" אין ישראל און דעם מוזיי פאַר יידישער פאָלקס־קונסט "גאנזא", קומט אַ האַרציקן יישר־כוח פאַרן צוגרייטן די דאָזיקע אויסשטעלונג. נאָכן שליסן זי אין תל־אביב, וואָלט זי אומבאַדינגט באַדאַרפט געוויזן ווערן אין די גרעסערע יידישע צענטערס אין ישראל און שפּעטער — אַרויסגעשיקט ווערן קיין אויסלאַנד. דערביי דאַרף געזאָרגט ווערן, אַז די דאָזיקע ביכער־זאַמלונג זאָל קאָמפּלעטירט ווערן מיט ניי־דערשינענע, אָדער פעלנדיקע ספרים.

(י"ש ת"א, 25.5.61)

# היטלעריאדע 1962

די פּרעסע און ראַדיאָ הערן נישט אויף מיטצוטיילן וועגן אָפּטע און כסדר זיך איבערחזרנדיקע אַנטי־יידישע ארויסטרעטונגען, באַגלייט מיט א פארשטאַרקטער און באַנייטער היטלעריסטישער טעטיקייט אין א ריי אייראָפּעישע לענדער. די נאַצישע הידרע, וועמען מען האָט אין יאָר 1945 אָפּגעשניטן דעם קאָפּ, איז צוריק באַוואָקסן געוואָרן מיט פּעטס. אירע פאַרגיפטעטע אָרעמס שטרעקן זיך נאָך מאַכט און נאָך יידיש בלוט. דאָס יאָר 1962 זאָגט אָן א תחית־המתים פון דער נאַצישער באַוועגונג נישט נאָר אין דייטשלאנד, נאָר אין נאָך אייראָפּעישע און אמעריקאַנער מדינות. ווידער זענען באַדראָט יידישע לעבנס און פּרנסות, דעמאָקראַטישע רעזשימען, די אַרבעטער־באַוועגונג, די האָפענונג אויסצומיידן א מלחמה.

### פאקטן וואָס ריידן פאַר זיך

דערציילט דער אַרטיסט מאַקס פערלמאַן אין ניו־יאָרק, אַז ר׳האָט געמוזט פאַרלאָזן אַרגענטינע, ווייל שפּילן דאָרט טעאַטער אין די איצטיקע טעג — איז אַן אומזין. דער יידישער עולם גייט נישט ביינאַכט אַרויס אין גאַס און וועט אוודאי נישט ריזיקירן באַפאַלן צו ווערן פון אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס צוליב אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג;

אין וואַשינגטאָן, די רעזידענץ־שטאָט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זענען אַ 20 בויאַנעס באַפאַלן דריי עלטערע יידן, וואָס האָבן נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט זייער תפילה אין שול, און זיי אכזריותדיק צעשלאָגן. קיינער איז נישט אַרעסטירט געוואָרן;

אין אַרגענטינער שטעטל סען־מיגועל זענען אויף דריי יידישע געשעפטן געוואָרפן געוואָרן "מאָלאָטאָוו־פלעשער" און מען האָט געשאָסן פון ביקסן;

אין אורוגוויי, פּאַראַגוויי, אַרגענטינע, בראַזיל און מעקסיקע — פּאָגראָם־איבערפאַלן איבער יידישע אינסטיטוציעס, טעראָר און כוליגאַניזם כלפּי יחידים, אויף וועמענס קערפּערס מ׳האָט אויסגעקריצט האַקנקרייצן... און אין רוב פאַלן — פּאָליצייאישע "אומבאַהאָלפנקייט" צו אַנטדעקן די פאַרברעכער...

בעת די דרום־אַמעריקאַנער לענדער זענען איצט אַן אַרענע פאַר טעראָריסטישע אַרויסטריטן קעגן יידן־יחידים און קעגן יידישע אָרגאַניזאַציעס — מערקט זיך אין אַ ריי לענדער פון אייראָפּע אַ באַנייטע און אַקטיווע טעטיקייט פון נעאָ־נאַצישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן לעצטנס אַפילו אויפגעשטעלט אַן אייגענעם אינטערנאַציאָנאַל.

### די טרייע יורשים פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם

היינטיקן חודש איז אין נאָרפאָלק, ענגלאַנד, פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף פון פאַשיסטישע מנהיגים פון דייטשלאַנד, איטאַליע, שפּאַניע, בעלגיע, עסטרייך און פראַנקרייך. דער גאַסטגעבער — איינע פון די דריי אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע גרופּן אין גרויס־בריטאַניע, פון וועלכער עס טיילט זיך באַזונדערס אויס מיט איר דינאַמישקייט און אַגרעסיוקייט די גרופּע פון דעם 34־יאָריקן לערער קאָלין דזשאָרדאַן. דער דאָזיקער נאַצי איז אויף דעם צוזאַמענפאָר, פאָרגעקומען לויט די טרייסטע מוסטערן פון ענלעכע צוזאַמענקונפטן אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד, אויסגעקליבן געוואָרן אַלס "וועלט־פירער פון די נאַציס". אויסער די גיפטיקע אַנטי־יידישע רעדעס, האָט מען דאָרט פאַראַדירט אין היטלעריסטישע מונדירן און שטיוול, מיט האַקנקרייץ־בענדער אויף די אָרעמס און דערביי פראָקלאַמירט דעם "נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם — די וועלט־באַוועגונג פון ווייסן מענטש". לויט דער דערקלערונג פון דזשאָרדאַנען, איז די אויפגאַבע פון דעם צוזאַמענפאָר געווען: "קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון 24 פאַשיסטישע פּאַרטייען אין רוב אייראָפּעישע לענדער, באַזאַמען מיט אַן אונטערערדישע גרופּע אין מערב־דייטשלאַנד". און ראַקוועל, דער פירער פון די אַמעריקאַנער נאַציס, וועלכער איז ספּעציעל געקומען קיין נאָרפאָלק, האָט דערנאָך דערקלערט אין לאָנדאָן: "מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ גלענצנד אָרגאַניזירטן אַפּאַראַט, וועמענס טעטיקייט וועט זיך מערקן שוין אין די נאָענטסטע זעקס חדשים..."

און נישט נאָר אין לאָנדאָן זענען אַקטיוו די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אָסוואַלד מאָסליי צי פון אַ קאָלין דזשאָרדאַן. אויך אין סקאָטלאַנד האָט אַ געוויסער אַרטור סמיט זיך באַרימט מיט אַ נאַצישער אָרגאַניזאַציע וואָס ציילט שוין 700 מיטגלידער און ביי די נאָענטסטע פאַרלאַמענט־וואַלן האָבן זיי בדעה אַרויסצושטעלן אַן אייגענעם קאַנדידאַט. זייער הויפּט־ציל: "צו פאַרטרייבן פון סקאָטלאַנד אַלע יידן און קאָלירטע מענטשן". אין אירלאַנד איז דערלאַנגט געוואָרן אַ ביטע אויפצושטעלן אַ פיליע פון דזשאָרדאַנס פּאַרטיי — און די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען זענען נישט קעגן דעם...; אויסער די מיטינגען וואָס די נאַצי־גרופּן אין ענגלאַנד האָבן שוין אַדורכגעפירט אויפן טראַפאַלגאַר־סקווער, אין סאַמע האַרץ פון לאָנדאָן, גרייטן זיי צו נייע אויפטריטן. דערווייל, פון איין מיטינג צום אַנדערן, דערלויבט מען זיך אויף אַ בריק איבער דער טעמזע אונטערלייגן אַ באָמבע, באַמאָלן מיט אַ האַקנקרייץ; אַ געוויסער זשאָרזש בין, סעקרעטאַר פון דער ענגלישער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, רופט אויס מיט שטאָלץ: "איך בין דער בריטישער געבעלס!"

אויף אַזוי ווייט — אין דער דעמאָקראַטישער ענגלאַנד. אָבער אויך אין דער נייטראַלער און שטילער שווייץ, הינטער לאָזאַן, איז ערשט נישט לאַנג פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַ באַוועגונג וואָס רופט זיך "נייע אייראָפּעישע אָרדענונג". 20 דעלעגאַטן פון עטלעכע אייראָפּעישע לענדער האָבן דאָרט שטאַרק געלויבט היטלערן, מוסאָלינין און... אייכמאַנען. די פּרעסע ווייסט צו דערציילן, אַז די באַוועגונג ווערט פינאַנסירט פון פּאָרטוגאַל, ענגלאַנד, בעלגיע, שווייץ, און אַז אויך קאַפּיטאַליסטן פון מינכען זשאַלעווען נישט קיין באַשטייערונגען.

און אַז מיר הערן וועגן די אַנטי־יידישע אַרויסטריטן אין די פּאַראַיייניקטע שטאַטן און אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, ווי אויך וועגן טעטיקע נעאָ־נאַצישע אָרגאַניזאַציעס — שאַפט זיך אַ זייער קלאָר אָבער טרויעריק בילד: היטלער איז טאַקע מיט 17 יאָר צוריק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, נאָר דער היטלעריזם לעבט איצט אויף אין אייראָפּע און אַמעריקע און שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָנקרעטע, ממשותדיקע געפאַר.

## די וועלט רעאַגירט יאָ, אָבער...

מען קאָן נישט זאָגן, אַז די "וועלט" איז גלייכגילטיק צו דער איצטיקער היטלער־אידעע. דער אַמעריקאַנער סטייט־דעפּאַרטמענט האָט געפונען פאַר נייטיק צו אינטערווענירן ביי דער אַרגענטינער רעגירונג; דער פּרעזידענט פון אורוגוויי און דער אויסערן־מיניסטער האָבן דערקלערט, אַז "פּאָליציי און מיליטער, אין אַן אומגעוויינלעכער צאָל, פּאַטרולירן די גאַסן פון מאָנטעווידעאָ, כדי ליקווידירן די דאָזיקע איבערפאַלן... די רעגירונג וועט נישט טאָלערירן" אאז"וו.

נאָר באַזונדערס אַנטשלאָסן צו קעמפן מיטן היינטיקן נאַציזם זענען די פשוטע מענטשן אין ענגלאַנד. אין מאַנטשעסטער איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט קעגן פאַשיסטישער טעטיקייט. מוניציפּאַלע דעלעגאַציעס פון 7 לאָנדאָנער קוואַרטאַלן האָבן דערקלערט דעם בריטישן אינערן־מיניסטער: "מיר האָבן שוין דערפאַרונג מיט זיי פון פריער און מיר ווייסן צו וואָס די ענינים קאָנען דערפירן". טויזנטער אַנטי־נאַצי דעמאָנסטראַנטן האָבן אויפגעריסן דעם מיטינג פון דזשאָרדאַנס פּאַרטיי אויפן טראַפאַלגאַר־סקווער. פופציק פון זיי זענען באַשטראָפט געוואָרן דורכן געריכט מיט אַ קנס פון 2 ביז 5 פונט שטערלינג, אָבער אַלע האָבן דערקלערט מיט שטאָלץ: "מיר זענען נישט גרייט צו לאָזן די פאַשיסטן אויפהייבן די קעפּ".

דער לאָנדאָנער שטאָטראַט איז אָפן אַרויסגעטרעטן קעגן די לעצטע פאַשיסטישע מהומות און געוואָרנט, אַז "זיי אַנטהאַלטן אין זיך גרויסע געפאַרן פאַר דער שטאָט".

נאָך די קרוינונג פון דעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמף אויף די בריטישע אינדזלען איז אוודאי געוועזן דער איבערפאַל פון אַ 20 אַרומיקע פויערים, וועלכע זענען אַריין אין דער פאַרם, וווּ ס'איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער פריער דערמאָנטער צוזאַמענפאָר פון די נעאָ־נאַצישע פּאַרטייען. די פויערים האָבן צעשטערט די איינריכטונג פונעם לאַגער, אַראָפּגעריסן די פאָן מיטן האַקנקרייץ און די אָנטיילנעמער וואָלט מען אוודאי אָנגעבראָכן די ביינער, ווען נישט די אַריינמישונג פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט אויך געזאָרגט איבערצופירן אויף אַ זיכערן נאַכטלעגער די צעטריבענע אַנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ...

ערשט די טעג האָט דאָס געריכט אין לאָנדאָן פאַרמשפּט דזשאָרדאַנען אויף 2 חדשים תפיסה פאַר באַנוצן זיך מיט אַ באַליידיקנדיקער שפּראַך בעתן מיטינג אויפן טראַפאַלגאַר־סקווער, וואָס איז פאָרגעקומען אונטערן לאָזונג "בריטאַניע — פריי פון יידישער קאָנטראָל".

אַלס קעגנגעוויכט צו די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד, איז דאָרט אַנטשטאַנען די "באַוועגונג פון געלן מגן דוד", וועלכע האָט בדעה צונויפצוזאַמלען אַ האַלבן מיליאָן אונטערשריפטן אונטער אַ פּעטיציע צו דער רעגירונג און פּאַרלאַמענט אַרויסצוגעבן געזעצן קעגן ראַסן־העצע.

פון דעם איז געדרונגען, אַז די עפנטלעכע מיינונג איז נישט גלייכגילטיק צום ווידערגעבורט פון נאַציזם. אַ רעאַגירונג קומט — זי איז אָבער צו שוואַך, אומאַנטשלאָסן און אויך ספּאָנטאַן,

אויף צו געבן דעם געהעריקן און עפעקטיוון קלאַפּ. בפרט, אַז אין רוב לענדער זענען סיי די געזעצן, סיי די פּאָליציי — אויף דער זייט פון די אָנגרייפער...

און די רעגירונגען, בדרך־כלל, שוויגן.

**יידישער ווידערשטאַנד**

אויך די יידישע וועלט האָט נישט משלים געווען מיטן ווידערגעבורט פון נאַציזם. די יידישע מלחמה־וועטעראַנען אין ענגלאַנד האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען פעיק "אין משך פון עטלעכע שעה צו מאָביליזירן זייערע 10 טויזנט מיטגלידער צו אַ באַלדיקער אַקציע קעגן מאָסליס נאַציסטישער אָרגאַניזאַציע". אַ דעלעגאַציע פון די יידישע קהילות אין ענגלאַנד האָט געפּאָדערט ביים אינערן־מיניסטער ספּעציעלע געזעצן קעגן ראַסיסטישע דיסקרימינאַציעס. 50 יידישע יוגנטלעכע אין לאָנדאָן האָבן דעמאָנסטרירט פאַר מעקמילענס רעזידענץ קעגן דער מילדקייט פון די בריטישע מאַכטאָרגאַנען כלפּי דעם פאַשיזם.

נאָר באַזונדער מוטיק און אַנטשלאָסן איז אַרויסגעטרעטן דאָס אָרגאַניזירטע יידנטום אין אַרגענטינע. דער אַלגעמיינער שטרייק זייערער, די שוץ־גרופּן צו באַוואַכן יידישע אינסטיטוציעס, זייערע דערקלערונגען (באַגלייט מיט מעשים) צו שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד די כוליגאַנעס, זייער אָפן דעמאַסקירן די פאַרשיידענע פּאָליציי־באַאַמטע וואָס זענען דעם ייד אַלס שולדיקן אין די געשעענישן און גיבן דערביי פולע דעקונג דעם כוליגאַן, און צום סוף — די ענערגישע פּאָדערונג פון דער רעגירונג אַ סוף צו מאַכן צו דער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע — האָט אין ישראל, ווי אין די תפוצות, אַרויסגערופן אנערקענונג און באַוווּנדערונג. אָבער טראָץ דעם אַלעמען איז שווער צו באַפרייען זיך פון עפּעס געפיל, אַז אַזאַ קאָמפּאַקטער און דינאַמישער יידישער קיבוץ אין איינעם פון די פאַרהעלטניסמעסיק רואיקע (כלפּי יידן!) לענדער, איז אויסגעשטעלט אויף די פאַרגיפטעטע פיילן פון זייערע היימישע נאַציס, וואָס זענען אויסן נישט נאָר אַ שפּיל זיך געבן מיטן אויסקריצן האַקנקרייצן אויף די לייבער פון יידישע יוגנטלעכע, נאָר אויך אונטערצינדן געשעפטן און עוקר מן השורש זיין די יידן פון אַרגענטינע.

**דער מוסר־השכל**

יידן האָבן ליב זיך צו טרייסטן: דער טומל אַרום די נעאָ־נאַצישע באַוועגונגען איז פיל גרעסער ווי דער כוח וועלכן זיי שטעלן מיט זיך פאָר. פאַראַן אין דעם אַ געוויסער אמת, נאָר די דערפאַרונג אין דייטשלאַנד האָט באַוויזן, אַז די אומבאַדייטנדיקע היטלעריסטישע באַוועגונג וואָס האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין די ביר־קעלערס, האָט שוין אין יאָר 1923 זיך פאַרמאָסטן אַדורכצופירן דעם א.ג. "מינכענער פוטש", כדי מיט 5 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1928, אַריינצופירן אין רייכסטאַג 12 דעפּוטאַטן, אין יאָר 1930 — 107, אין 1932 — 230. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך היטלער שוין דערלויבט אונטערצינדן דעם רייכסטאַג. און אין יאָר 1939 — אונטערצינדן די גאַנצע וועלט און אַזוי אַרום אויך פאַרברענען ענטגילטיק די אילוזיעס און זעלבסטנאַרעריי פון די וואָס האָבן געגלייבט, אַז "ביי אונדז אין דייטשלאַנד קאָן עס נישט פאַסירן"...

ווו איז די גאַראַנטיע, אַז פאַר די דזשאָרדאַנס און מאָסליס אין ענגלאַנד איז אָפּגעשלאָסן דער וועג צו מאַכט דורך טעראָר און אפילו דורך... וואַלן? ווו איז די זיכערקייט, אַז "ביי אונדז אין אַרגענטינע" צי "ביי אונדז אין אורוגוויי" איז נישט מעגלעך קיין נאַציזם?

אויב מיר צווייפלען אין דעם ווילן און פעיקייט פון אַ ריי דעמאָקראַטישע רעזשימען צו קעמפן אנטשלאָסן מיטן נעאָ־נאַציזם, אַזוי זענען מיר נאָך מערער באַזאָרגט איבערן יידישן גורל אין די תפוצות — די ערשטע און דירעקטע קרבנות פון יעטוועדער סאָציאַלער רעאַקציע און אויפטרייסלונג. היינט, נאָכן חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום און נאָכן 14־יאָריקן קיום פון מדינת ישראל — וואָלטן די אחינו בני ישראל באַדאַרפט אַרויסציען אַן אַנדערן מוסר־השכל פון דער היטלעריאַדע 1962, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן ביז איצט...

(י"ש ת"א, 29.8.62)

# די לעצטע זכיה פון דריי העלדן

**(20 יאָר זינט פּאָלא עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך זענען געפאַלן מיט געווער אין האנט)**

סוף אפריל 1945. די מלחמה פלאקערט נאָך אויף עטלעכע פראָנטן. די "אומבאזיגבארע" דייטשע ארמיי איז שוין באזיגט, איר סוף איז אן אומפארמיידלעכער, נאָר שטעלט אַ ווידערשטאנד, ווייל די געשלאָגענע גענעראלן און אויסגעשפּילטע פּאָליטיקער טרוימען נאָך וועגן אַ סעפּעראַטן שלום מיט אמעריקע און ענגלאנד. דערווייל גיסט זיך בלוט אויפן מזבח פון "טויזנטיאָריקן רייך", גלייך עס וואָלט נאָך אלץ געווען ווינציק די מיליאָנען קרבנות אין משך פון די פינף יאָר מלחמה.

**די שטאָט פון חורבות און ריחות**

ווארשע איז שוין באפרייט, נאָר זי ליגט אַ צעשמעטערטע, אַ חרובע, אַ גוססדיקע. דאָס אומברענגען דאָרט אַ האַלבן מיליאָן יידן, דאָס אויסגלייכן מיט דער ערד דעם שטח פון געטאָ, דאָס אונטערדריקן דעם אויפשטאנד פון גענעראל באָר־קאָמאָראָווסקי — האָבן איבערגעלאָזט בלוטיקע שפּורן פון דער דייטשער אָקופּאציע. איבער דער געקווילערטער שטאָט טראָגן זיך ריחות פון נישט־אויפגערוימטע מתים, פון שריפה און חורבן. רעשטלעך פון די באָמבארדירטע, אויפגעריסענע און פארברענטע הייזער לאָזן נישט פארגעסן די שוידערלעכע דראמע וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט.

פון באפרייטע שטעט און שטעטלעך, פון בונקערס און וועלדער, פון דער "ארישער" זייט און פון פארשיידענע באהעלטענישן, באווייזן זיך ניצול־געוואָרענע יידן. דער רוב — אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, הונגעריק און פארוואָרלאָזט, אָפּגעשוואַכט און קראנק. זיי נייטיקן זיך אין אַ דאך איבערן קאָפּ, אין אַ בגד, אין אַ מעדיקאמענט. און קודם־כל — אין אַ גוט וואָרט, אַ טרייסט... אפילו די וואָס שטייען בראש פונעם ניי־געבוירענעם יידישן לעבן אין פוילן, זענען אליין נאָר וואָס ארויס פון דער שאול תחתיה.

גאַנץ ווארשע, פונקט ווי גאנצע ראַיאָנען אין פוילן, זענען פארוואנדלט געוואָרן אין א ריזיקן בית־הקברות פונעם דריי־מיליאָניקן פוילישן יידנטום. אויף דעם־אָ בית־עלמין זענען אָבער פאראַן איינצלנע ערטער, גריבער און קברים, וועלכע האָבן זיך זייער געשיכטע, זייער טראַגעדיע, זייער גבורה און זייער ספּעציפישע באדייטונג. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז באַגלייך מיט דער הילף פאר די לעבעדיקע, דארף מען אויך אַ טראַכט געבן פון די אומגעקומענע, ברענגען זיי צו קבר ישראל דאָרט ווו דאָס איז מעגלעך, טאָן פאר די חללים דעם לעצטן גענאָד...

איינער פון אזעלכע ערטער — אַ בונקער אויף זשאָליבאָזש, נישט ווייט פון פּאָוואָנזעק. דאָרט זענען מיט געווער אין האנט געפאַלן פּאָלא עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך. זייערע טויטע קערפּערס ליגן לעבן בונקער זינט דעם 27סטן סעפּטעמבער 1944.

**אויפן אָרט פון קדושה און גבורה**

דעם 22סטן אפּריל 1945 בין איך אָנגעקומען קיין ווארשע און זיך געטראָפן מיט אייניקע ניצול־געוואָרענע פּועלי־ציון חברים: באשע און אדאָלף בערמאן, וואנדא עלסטער, הערש און בלומע וואסער און אנדערע. אויף אַ קורצער בארא‏טונג ווערט באשלאָסן: דעם 29סטן אפּריל אדורכפירן די עקסהומאציע און קבורה פון פּאָלא עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך.

דריי טעג פאר דער עקסהומאציע בין איך אוועק מיט וואַנדאן, די שוועסטער פון פּאָלא עלסטער, קיין זשאָליבאָזש. שעהן גייען מיר איבער דער זיך נאָך רויכערנדיקער שטאָט, מע באזוכט דעם אמאָליקן יידישן קווארטאל. דאָ איז אמאָל געווען די נאלעווקעס, די גענשע, די פראַנטשישקאנער גאסן. איצט — קיין איין גאנץ הויז, א מדבר פון שטיינער פון חורבות.

מיר דערנענטערן זיך קיין זשאָליבאָזש. די הייזקע, ווו ס'איז געווען דער בונקער, איז האלב צעשטערט און פארלאָזט. וואנדא ווייזט מיר די באהעלטעניש, מיר לאָזן זיך אראָפּ אין דער אונטערערדישער וווינונג פון די אנטרונענע. נישט דערברענטע שטיקלעך ליכט זענען נאָך אָנגעטריוולט אויף אַ לייסט. עטלעכע כלים, פּאפּירן און פארשיידענע זאכן וואלגערן זיך אויף דער ערד. דאָ האָבן די דריי געפאלענע און — זיי צו לאנגע יאָר — בלומע און הערש וואסער, געפונען א מקלט. אין סאמע ברען פון פוילישן אויפשטאנד, דעם 27סטן סעפּטעמבער 1944, האָבן זיי דייטשן און "וולאסאָוועצעס" אנטדעקט. זיי זענען געקומען אהער פארענדיקן די מאָרד־מלאכה איבער עטלעכע אויסבאהאלטענע יידן, זייענדיק זיכער, אז נאָכן באפעל "הערויס" וועלן זיך באוויזן צעשראָקענע מענטשן, מיט אויפגעהויבענע הענט און אפשר נאָך בעטן רחמים ביי די רוצחים. פאָלא, הערש און אליהו זענען טאקע ארויסגעשפּרונגען פון בונקער — נאָר מיט אָנגעצילטע רעוואָלווערן, געעפנט אַ פייער און אוועקגעהרגעט עטלעכע פארפאָלגערס. די זענען אָבער געווען אַ סך — און די דריי יידישע קעמפערס האָבן מיט געווער אין האנט אויסגעהויכט זייערע ליכטיקע נשמות...

בלומע וואסער איז געבליבן אין בונקער, זי האָט געהאט אַ צעבראָכענעם פוס נאָכן שפרינגען פון באן, וועלכע האָט זי געפירט קיין טרעבלינקע. זי האָט זיך נישט געקענט באוועגן. איר מאן הערש, וועלכער האָט נישט געהאט קיין געווער, איז פארבליבן אינעווייניק — און ביידע זענען ניצול געוואָרן.

...מיר פארלאָזן דעם בונקער. מע עטעמט צוריק איין פרישע לופט. אָבער נישט אויף לאנג. וואנדא פירט מיך צו צום אָרט ווו עס ליגן איבערגעדעקט די דריי בר־מיננס. צומאָרגנס, נאָכן באפרייען ווארשע, דעם 18טן יאנואר 1945, איז דאָ וואנדא אהער געקומען, צונויפגענומען דעם געביין פון די דריי און זיי צוגעדעקט. איצט ווארטן די דריי קדושים, אז די ערד זאָל זיי צודעקן, מ'זאָל מיט זיי טאָן א חסד של אמת.

לאנג ווארטן וועט איר נישט, שוועסטער מיינע און ברידער, איר יידישע העלדן. נאָך אַ פּאָר טעג — און מיר וועלן אייך ברענגען צו קבר ישראל, ווי איר האָט זיך פארדינט און ווי די באדינגונגען אין יענער צייט האָבן דערלויבט.

## ערשטע יידישע לווייה נאכן חורבן

29טער אפּריל 1945. א טריבער און רעגנדיקער טאָג. אויף 12 באטאָג איז געווען באשטימט די קבורה פון די דריי. נאָך פריער זענען מיר עטלעכע חברים אוועק אין בונקער, כדי עקסהומירן די קערפּערס, וועלכע זענען שוין געווען אין אַ צושטאַנד פון צעפאלונג. איין קאָפּ האָט זיך אוועקגעקאָלערט אין אַ זייט, אַ האנט האָט זיך שוין נישט געהאלטן אין גוף... און מיר האָט זיך געדוכט, אז דאָס איז דער אָפּגעהאקטער קאָפּ פונעם פוילישן יידנטום, אַן אוועקגעפאלענער גליד פון אונדזער וועלט־פאָלק.

ביים פרישן און אָפענעם קבר האָבן זיך פארזאמלט עטלעכע צענדליק ניצולים פונעם חורבן, יתומים פון פארצווייגטע יידישע משפחות, איצט היימלאָזע און אויסגעוואָרצלטע שארית הפליטה פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק. אָנגעטאָן ווער אין א רעקל, ווער אין א רוסישער קופייקע, ווער אין אַן אויסגעריבן פוטערל און ווער אין מאַנטל — זענען זיי געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד די דריי און אוודאי אין זינען געהאט אויך זייערע פּאָלאס, הערשס און אליהוס, וועלכע זענען מיט אלע מיתה־משונהס אומגעקומען פון די דייטשע רוצחים און זייערע העלפערס.

דאָס לעבן, קאמף און אומקום פון די דריי האָט דאָך אזוי געשטימט מיטן דרך פון די פוילישע יידן. די ערשטע לווייה נאָכן חורבן האָט מיט זיך סימבאָליזירט דאָס צונויפזאמלען די ביינער און אש פון די מאסן־קברים, פון די געטאָס, פון די קרעמאטאָריעס, ווו אחינו בני ישראל האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם.

די דריי זענען געבראכט געוואָרן צו אייביקער רו אויפן יידישן גענשער בית־עלמין אין ווארשע, נאָענט פונעם "אהל פרץ", די קברים פון י.ל. פרץ, ש. אנסקי, און י. דינעזאָן...

**דער לעבנסוועג פון די דריי**

פּאָלא עלסטער און אליהו ערליך האָבן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעבט אין ווארשע. ביידע האָבן געהערט צו לינקע פּועלי־ציון און זיך אויסגעצייכנט מיט זייער טרייהייט און אקטיוויטעט אין דער באוועגונג. הערש בערלינסקי איז געווען אַ קינד פון דער לאָדזשער יידישער ארבעטערשאפט און זיין אידעישן וועג אויך געפונען ביי פּועלי־ציון. אין יאָר 1940 קומט הערש קיין ווארשע און ווערט ארייגעטריבן אין געטאָ, וווּ ער געהערט צום פּועלי־ציון אקטיוו אין יענע יאָרן.

בעת דער אָקופּאציע, האָט פּאָלא עלסטער (פּסעוודאָנים "עוואַ") געהערט צום אונטערערדישן צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי און אין געטאָ אָנגעפירט מיט אַ פּאָלקס־קוך, וואָס איז אין יענע באדינגונגען געווען פיל מער ווי אן אָרט ארויסצוגעבן מיטאָגן, נאָר זיך צעוואָקסן אין אַן אינסטיטוציע מיט אַ סך מעגלעכקייטן. אויף דער ערשטער סעסיע פון אונטערערדישן פּוילישן לאנדראַט ("קראיאָווא ראדא נאראָדאָווא") איז פּאָלא ארויסגעטרעטן מיט א דעקלאראציע אין נאָמען פון פּועלי־ציון. זי איז אויך געווען מיטגלידערין פון אומלעגאלן ווארשעווער שטאָטראט און געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אינעם אונטערערדישן קאמף פון דער יידישער באפעלקערונג אין ווארשע. נאָכן דערדריקן דעם געטאָ־אויפשטאַנד, איז זי פארשיקט געוואָרן אין לאגער פּאָניאטאָווו ביי לובלין. א דאנק דער פּארטיי און דער פּוילישער אונטערגרונט־באוועגונג, געלונגט איר צו אנטלויפן קיין ווארשע — און דערשלאָגן זיך צום בונקער אויף זשאָליבאָזש.

הערש בערלינסקי איז געווען מיטגליך אין דער אָנפירונג פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע, קאָמענדאנט פון דער פּועלי־ציון גרופּע אין דער זש.אָ.ב. ערשט נישט לאנג האָט מען פארעפנטלעכט זיינע שריפטן, וועלכע ער האָט פארצייכנט אין יענער פינצטערער תקופה. דער קעמפער מיט דער ביקס האָט אויך נישט מוותר געווען פון אַן אנדער געווער — די פעדער — און דאָס פארשריבענע האָט שוין זוכה געווען צו זען די ליכטיקע שיין אין דער אויסגאבע פון "מורשת" א.נ. פון מרדכי אניעלעוויטש, קאָמענדאנט פון דעם באוואָפנטן אויפשטאנד אין געטאָ.

אליהו ערליך, ווי עס דערציילן די לעבן־געבליבענע געטאָ־קעמפערס, איז געווען א זעלנער אין דער פּועלי־ציוניסטישער קאמפּס־גרופּע. נאָר א גוטער זעלנער, אַן איבערגעבענער און אויפריכטיקער קעמפער, א טרייער חבר. נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאנד, איז ער צוזאמען מיט הערשן אנטלאָפן דורך די קאנאלן אויף דער ארישער זייט. נאָר זייער "נישטארישער" אויסזען האָט זיי געצוווּנגען צו זוכן באהעלטעניש אין אַן אונטערערדישן מקלט, וווּ זיי זענען אומגעקומען.

פּאַלא, הערש און אליהו האָבן זוכה געווען צו אַ לעבן פול מיט אינהאלט, אידעאליזם, גלויבן אין מענטש און אין אַ בעסערן מאָרגן. זיי האָבן אויך געוווּסט ווי אזוי איינאָרדענען זייער לעבן אין דער סאמע פינצטערער תקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. און ווי פאר יענער שוידערלעכער צייט — איז עס געווען אַ באזונדערע זכיה צו פאלן מיט געווער אין האנט. זאָל אויך דער שונא צאָלן מיט קרבנות, זאָל ער וויסן, אז אפילו בימי היטלער איז יידיש לעבן נישט הפקר...

נאָר מיר שיינט, אז זייער לווייה אין ווארשע, הגם זי איז געווען דער ערשטער אויפטו פון דער פּארטיי וואָס איז אויפגעשטאנען תחיית־המתים, איז געווען אַ באזונדערע זכיה. די עקסהומאציע און קבורה האָבן זיך פארוואנדלט אין אַ פאָלקס־מאניפעסטאציע, הגם אזוי ווינציק האָבן זיך באטייליקט. אָבער אַן אויסדרוק פון אלגעמיין־יידישן און נאציאָנאלן טרויער איז עס זיכער געווען.

די דריי דארפן אומבאדינגט פארנעמען אַ וויכטיק אָרט אינעם פּאנטעאָן פון יידישער גבורה און קדושה.

(י"ש ת"א, 14.10.64)

# טשערטשיל און סטאַלין האָבן "פאַרזען" דעם אומקום פון אייראָפּעישן יידנטום

די יידיש־ענגלישע צייטונג "דזשואיש קראָניקל", וואָס דערשיינט אין לאָנדאָן, האָט די טעג געשיקט אַן אָנפֿראַגע צו ווינסטאָן טשערטשיל, פּרעמיער פון דער בריטישער רעגירונג בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, צי ער געדענקט וועלכן ס'איז פּאָרשלאַג צו באָמבאַרדירן אין יענער תקופה דעם טויטן־לאַגער אוישוויץ. אויף דעם האָט די צייטונג באַקומען אַן ענטפער פון טשערטשילס סעקרעטאַר, אַז "פּערזענלעך געדענקט נישט סער ווינסטאָן אַזאַ זאַך"...

אויך בעת דעם אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים איז דערמאָנט געוואָרן, אַז בריטאַניע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באָמבאַרדירן אוישוויץ צוליב "טעכנישע שוועריקייטן". ווי באַוווּסט, האָט נישט נאָר אוישוויץ ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ לופט־איבערפאַל מצד דער אַוויאַציע פון די אַליאירטע, נאָר קיין איינער פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן פון די דייטשישע רוצחים, וואָס זענען מיט אַזאַ ברייטער האַנט געוווען צעוואָרפן איבערן שטח פון אָקופּירטן פּוילן, האָט זיך נישט געפונען אויף דער "באָמביר־מאַפּע" פון די ענגלישע, סאָוויעטישע צי אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען. די מיליאָנען אינטערנירטע קאַצעטלערס אין מיידאַנעק, טרעבלינקע, סאָביבאָר, בעלזשעץ, פּלאַשאָוו, אוישוויץ און אין די טויט־לאַגערן אויף דער דייטשישער טעריטאָריע, האָבן אין זייער דערשלאָגנקייט און האָפענונגסלאָזיקייט שטענדיק געטרוימט וועגן אַ לופט־איבערפאַל איבערן לאַגער, וואָס וועט טאַקע פּיל פון זיי, במילא פאַרמשפּטע צום אומקום, אומברענגען — אָבער גלייכצייטיק פאַרניכטן די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס און דערמעגלעכן אַ גרויסן טייל צו אַנטלויפן. נאָך מער: די אינטערווענצן ביי דער ענגלישער רעגירונג אויפצורייסן פון דער לופט די באַן־ליניעס, וואָס האָבן געפירט קיין אוישוויץ — זענען געבליבן אָן אַן ענטפער. בעת פּאַר די דייטשן איז דער "יידישער פראָנט" געווען דער סאַמע וויכטיקסטער און זייער טויט־אורטייל אויף אונדז איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דער גאַנצער אכזריותדיקייט און קאָנסעקווענטקייט, האָבן די אַליאַנטן נישט געהאַלטן די פאַרניכטונג־לאַגערן פאַר וויכטיקע מיליטערישע אָביעקטן און אומגעשטערט געלאָזט דאָרט פאַרגאַזן און פאַרברענען דאָס אייראָפּעישע יידנטום...

אפשר וועט די געשיכטע יאָ אַמאָל אָנעמען דעם נישט־ערנסטן און אַרויסדרייענדיקן ענטפער וועגן "טעכנישע שוועריקייטן". נאָר אויב נאָכפאָלגן די רעאַגירונגען פון די דריי גרויסמאַכטן, וואָס זענען געשטאַנען בראש פון דער אַנטי־היטלעריסטישער קאָאַליציע אין די יאָרן 1939־1945 בנוגע יידישע ענינים — וועלן די "טעכנישע שוועריקייטן" זיך פאַרוואַנדלען אין אַ... פּאָליטיק. אַמבולטסטן באַשטעטיקן עס דאָקומענטן פון אַ בוך, וועלכן כ'האָב נאָך מיט צוויי יאָר צוריק געליינט מיט אַזאַ פאַרכאַפּטן אָטעם, הגם ס'אַנטהאַלט בלויז אָפיציעלע און זייער טרוקענע מאַטעריאַלן. דאָס איז די צוויי־בענדיקע אויסגאַבע פון מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים פון פסס"ר, וואָס איז אין יאָר 1958 דערשינען אין מאָסקווע: **בריוו־אויסטויש צווישן פּאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט פון פסס"ר מיט די פּרעזידענטן פון די פּאַר. שטאַטן און פּרעמיערן פון גרויס־בריטאַניע בעת דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה אין די יאָרן 1941־1945**. אינעם פּאָרוואָרט פון דער רעדאַקציע, וואָס באַשטייט פון 11 פּערזאָן — באַוווּסטע פּראָפעסאָרן, דאָצענטן און אַנדערע וויסנשאַפטלער, ווערט צוו. אַנד. געזאָגט, אַז "דער ציל פון דער דאָזיקער אויסגאַבע — מיטווירקן איינצושטעלן דעם היסטאָרישן אמת". אויף 700 זייטלעך זענען אָפּגעדרוקט 800 בריוו, טעלעגראַמעס, נאָטעס — פולע טעקסטן פון דער קאָרעספּאָנדענץ פון י. וו. סטאַלין מיט רוזוועלטן, טרומאַנען, טשערטשילן און עטלין.

צוויי בריוו פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ האָבן זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון. זייער אינהאַלט איז טאַקע די בעסטע אילוסטראַציע פון "פאַרגעסן" און "פאַרזען" די יידן־טראַגעדיע.

אין אָקטאָבער 1943, ווען אויף אַלע פראָנטן האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקטריט פון דער דייטשישער אַרמיי און די היטלעריסטן האָבן דערביי אַדורכגעפירט גרוילטאַטן איבער דער ציווילער באַפעלקערונג, שרייבט דער בריטישער פרעמיער צום סאָוויעטישן פרעמיער:

„שטרענג געהיים און פערזענלעך.

(בריוו פון פרעמיער־מיניסטער הער ווינסטאָן טשערטשיל צום מארשאל סטאַלין).

וועט איר נישט באַוויליקן צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן דעם, צי איז נישט כדאי צו פאַרעפנטלעכן מיט אונדזערע דריי אונטערשריפטן עפּעס־וואָס אין גייסט פון ווייטערדיקן:

„1. גרויסבריטאַניע, די פאַראייניקטע שטאַטן און דער ראַטנפאַרבאַנד (אויב וועלכער אַנדערער סדר פון אויסרעכענען איז מער אַנטשפּרעכנד, זענען מיר לגמרי גרייט צו זיין די לעצטע) האָבן פון פאַרשיידענע קוועלן באַקומען ידיעות וועגן די גרוילטאַטן, רציחות און קאַלטבלוטיקע מאַסן־מאָרדן, וואָס ווערן אַדורכגעפירט דורך די היטלעריסטישע באַוואָפנטע כוחות אין פיל לענדער, וואָס זענען דורך זיי פאַרכאַפּט געוואָרן און פון וועלכע זיי ווערן איצט זיכער פאַרטריבן. די אכזריותדיקייטן פון דער נאַצישער הערשאַפט זענען נישט קיין נייער פאַקט און אַלע פעלקער אָדער טעריטאָריעס וועלכע געפינען זיך אונטער זייער הערשאַפט, האָבן געליטן פון דער סאַמע העסלעכער פאָרם פון זייער טעראָר. דאָס נייע באַשטייט אין דעם, וואָס פיל פון די דאָזיקע טעריטאָריעס ווערן איצט באַפרייט אַ דאַנק די אָנגרייפנדיקע אַרמייען פון די מדינות־באַפרייערינס און אַז אין זייער פאַרצווייפלונג פאַרטאָפּלען די אָפּטרעטנדיקע היטלעריסטן און הונען זייערע גרוילטאַטן.

2. אין איינקלאַנג מיטן אויבנדערמאָנטן, טרעטן די דריי אַליאירטע גרויסמאַכטן אַרויס מיט אַ פייערלעכער דעקלאַראַציע און וואָרענונג אין די אינטערעסן פון 32 פאַראייניקטע נאַציעס, מיט פאָלגנדיקער דערקלערונג:

מיטן מאָמענט פון פאָרשטעלן וועלכע ס׳איז שלום־פאַרהאַנדלונגען אַ וועלכער ס׳איז רעגירונג וואָס קאָן געשאַפן ווערן אין דייטשלאַנד, וועלן אַלע דייטשישע אָפיצירן און סאָלדאַטן און די מיטגלידער פון דער נאַצי־פאַרטיי, וועלכע זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אויבנדערמאָנטע גרוילטאַטן, רציחות און פייניקונגען אָדער פרייוויליק אין זיי אָנטייל גענומען, געשיקט ווערן אין די לענדער, אין וועלכע עס זענען דורך זיי אַדורכגעפירט געוואָרן די עקלהאַפטע טאַטן, כדי זיי זאָלן קאָנען געמשפּט און באַשטראָפט ווערן אין איינקלאַנג מיט די געזעצן פון די באַפרייטע לענדער און פרייע רעגירונגען וואָס וועלן דאָרט אַנטשטיין. די רשימות וועלן צוזאַמענגעשטעלט ווערן מיט אַלע מעגלעכע פּרטים וואָס וועלן דערהאַלטן ווערן פון אַלע לענדער, באַזונדערס נעמען אין חשבון די אָקופּירטע טיילן פון רוסלאַנד, פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי, יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד, אַריינגערעכנט קרעטאַ און אַנדערע אינדזלען, נאָרוועגן, דענעמאַרק, האָלאַנד, בעלגיע, לוקסעמבורג, פראַנקרייך און איטאַליע.

אַזוי אַרום דאַרפן די דייטשן, וועלכע באַטייליקן זיך אין די מאַסן־דערשיסונגען פון איטאַליענישע אָפיצירן אָדער אין אומברענגען פראַנצויזישע, האָלענדישע, בעלגישע און נאָרוועגישע ערובניקעס, אָדער פּויערים פון קרעטאַ, אָדער די וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער פאַרניכטונג פון פּוילישן פאָלק אָדער אין פאַרניכטן די באַפעלקערונג פון די סאָוויעטישע רעפּובליקן, וואָס ווערן איצט אָפּגעריייניקט פון שונא — וויסן זיין, אַז אומאָפּהענגיק פון די אויסגאַבן, וועלן זיי צוריק געשיקט ווערן אויף די ערטער ווו זיי זענען באַגאַנגען זייערע פאַרברעכנס און געמשפּט ווערן אויפן אָרט דורך די פעלקער, איבער וועלכע זיי זענען באַגאַנגען די גוואַלדטאַטן. זאָלן די וואָס האָבן נאָך נישט איינגעשמירט זייערע הענט אין אומשולדיק בלוט זיין געוואָרנט דערמיט, אַז זיי זאָלן נישט באַלאַנגען צו די שולדיקע, ווייל די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן וועלן זיי זיכער געפינען אַפילו אין עק וועלט און איבערגעבן די באַשולדיקער, כדי ס׳זאָל קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן די גערעכטיקייט.

די דאָזיקע דעקלאַראַציע רירט נישט אָן דאָס פּראָבלעם פון די הויפּט־פאַרברעכער, וועמענס פאַרברעכנס זענען נישט פאַרבונדן מיט אַ באַשטימט געאָגראַפיש אָרט.

(אונטערגעשריבן) **רוזוועלט, סטאַלין, טשערטשיל.**

אויב עפּעס פון דעם מין (איך ספּעציעל עקשן זיך נישט איבער פאָרמולירונגען) זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן מיט אונדזערע דריי אונטערשריפטן, וואָלט דאָס, מיין איך, אַרויסגערופן ביי אייניקע פון די אויסוווּרפן אַ מורא צו זיין פאַרמישט אין די דאָזיקע מאָרדן, באַזונדערס איצט, ווען זיי ווייסן אַז זיי וועלן באַזיגט ווערן.

מיר ווייסן, צום ביישפּיל, אַז די רעפּרעסיעס מיט וועלכע מיר האָבן זיי געדראָט, פאַרטיידיקנדיק די פּאָליאַקן, האָבן גורם געווען ווייכער צו מאַכן די אַכזריותדיקייטן, אונטער וועלכע ס׳אונטערליגט דאָרט דאָס פאָלק. אָן שום ספק, אַז דאָס אָנווענדן דורכן שונא אַ געוויסער אין פאָרם פון טעראָר, לייגט אַרויף אַ צוגאָב־לאַסט אויף אונדזערע אַרמייען. ביי פיל דייטשן קאָן זיך אָפּרופן דאָס געוויסן, אויב זיי וועט קלאָר זיין, אַז מען וועט זיי אומקערן און משפּטן אין דעם לאַנד, און מעגלעך — אויף דעם אָרט ווו ס׳זענען דורך זיי אַדורכגעפירט געוואָרן די שוידערלעכע רציחות. איך רעקאָמענדיר אייך אויסדריקלעך דעם פּרינציפּ פון לאָקאַליזירן דאָס געריכט, וואָס קאָן גורם זיין צו אַן אָפּהאַלטערישן איינפלוס אויפן שונאס טעראָר. דער בריטישער קאַבינעט באַגינסטיקט דעם דאָזיקן פּרינציפּ און די דאָזיקע פּאָליטיק״.

מיר האָבן בכיוון געבראַכט דעם פולן טעקסט פון טשערטשילס בריוו — נאָר אָפּשטעלן ווילט זיך בלויז אויף עטלעכע מאָמענטן:

א. דער שעף פון דער ענגלישער רעגירונג האָט יאָ געוווּסט וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אין דער אָקופּירטער אייראָפּע, באַזונדערס אין דער צייט, ווען די ווערמאַכט האָט אָנגעהויבן גיין צוריק. אַזוי־ווי דער בריוו זיינער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ האַלב יאָר נאָכן העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — איז אים אוודאי געווען באַקאַנט דער חורבן פון פּוילישן יידנטום.

ב. פונדעסטוועגן רעכנט טשערטשיל אויס די מאַסן־דערשיסונגען פון איטאַליענישע אָפיצירן, דאָס אומברענגען די פראַנצויזישע, האָלענדישע, בעלגישע און נאָרוועגישע ערובניקעס, ער פאַרגעסט נישט אפילו אין די פויערים פון קרעטאַ, שטרייכט אונטער די פאַרניכטונג פון פּוילישן פאָלק און די באַפעלקערונג פון די סאָוועטישע רעפּובליקן — אָבער יידן פיגורירן נישט לגמרי אין דער געגנונג לאַנגער רשימה פון פעלקער, איבער וועלכע די דייטשן פירן אַדורך אַ בלוט־באָד.

ג. סער ווינסטאָן ווייסט אויך צו דערציילן אין זיין פּראָיעקט פון דער דעקלאַראַציע־וואָרענונג אויפן אדרעם פון די היטלעריסטישע רוצחים, אַז פאַרטיידיקנדיק די פּאָליאַקן, האָט ער זיי געדראָט און דערמיט ווייכער געמאַכט די אכזריותדיקייטן... פאַרוואָס איז אַזאַ וואָרענונג נישט געקומען, ווען דאָס פּוילישע יידנטום און די יידן פון די אייראָפּעאישע לענדער זענען מיט אַלע מיתה־משונהס אומגעקומען אין די געטאָס און לאַגערן? אפשר וואָלט אַזאַ וואָרענונג אויך ווייכער געמאַכט די דייטשישע אכזריותדיקייטן כלפּי אונדז?

איצט, 20 יאָר נאָך יענעם בריוו, מעג זיך טשערטשיל פאַררופן אויף זיין שוואַכן זכרון בנוגע פאָרשלאַגן צו באַמבאַרדירן אוישוויץ. נאָר שוין־זשע האָט ער אויך דאַן פאַרגעסן וועגן דעם וואָס די דייטשן האָבן געטאָן מיט די יידן?

ווי אַזוי האָט מאַרשאַל סטאַלין רעאַגירט אויף דעם בריוו? (ווייל קיין איין נאָטע צי טעלעגראַם פון בריטישן פּרעמיער און אַמעריקאַנער פּרעזידענט קיין מאָסקווע, זענען נישט געבליבן אָן אַ תשובה). קיין פולער ענטפער אין בוך, ווי דאָס פירט זיך בנוגע דער גאַנצער קאָרעספּאָנדענץ צווישן די ״דריי גרויסע״ — איז, ליידער, נישט פאַראַן. צום סוף פון טשערטשילס בריוו איז דאָ אַ קליינטשיקער נומער 58 — ד.ה., אַ הערה אין סוף פון בוך. און דאָרט לייענען מיר, אויף ז׳ 396, צווישן אַלע הערות און דערגאַנצונגען:

״אַלס ענטפער אויף טשערטשילס נאָטע, דערהאַלטן דעם 13טן אָקטאָבער 1943, האָט דער פאַרטרעטער פון פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים פון פסס״ר, א. יא. ווישינסקי, איבערגעגעבן דעם 25טן אָקטאָבער דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, קער, און דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, האַרימאַן, פאָלגנדיקן בריוו:

״די סאָוועטישע רעגירונג איז איינשטימיק מיטן פאָרשלאָג פון פּרעמיער וו. טשערטשיל אין זיין נאָטע צום פּרעמיער י. וו. סטאַלין פון 13טן אָקטאָבער בנוגע דעם פּראָיעקט פון דער

דעקלאַראַציע פון די רעגירונגען פון גרויס־בריטאַניע, פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און דעם ראַטנפאַרבאַנד — מיט פאָלגנדיקע ענדערונגען:

1. צום סוף פון ערשטן אָפּזאַץ צוגעבן: "וועגן דעם זאָגן עדות מיט אַ באַזונדערער באַשיינפּערלעכקייט די פאַקטן פון גרויזאַמע פאַרברעכנס אויף די באַפרייטע פון די היטלעריסטן טעריטאָריעס פון ראַטנפאַרבאַנד, און אויך אויף די טעריטאָריעס פון פראַנקרייך און איטאַליע".

2. אין דריטן אָפּזאַץ, אָנשטאָט דעם וואָרט "רוסלאַנד", דאַרף זיין ראַטנפאַרבאַנד.

3. אַדורכלאָזן אין פערטן אָפּזאַץ די ווערטער "אומאָפּהענגיק פון די אויסגאַבן".

4. צום סוף פון לעצטן אָפּזאַץ צוגעבן: "און וועלכע וועלן באַשטראָפט ווערן דורך אַ בשותפותדיקן באַשלוס פון די אַליאַנטישע רעגירונגען".

אין סטאַלינס קורצן ענטפער זענען פאַראַן 4 נישט־וועזנטלעכע ענדערונגען אין געוויסע פאָרמולירונגען צי אויסדריקן. אין דער סאָוויעטישער תשובה פעלט "בלויז" איין קאָרעקטור, אַ דערמאָנונג צי אַ רמז, אַז מ׳דאַרף די היטלעריסטן וואָרענען בנוגע זייער מאָרד־פּאָליטיק לגבי יידן...

פון די 800 דאָקומענטן אין דערמאָנטן בוך ווייזט זיך אַרויס, אַז טשערטשיל און סטאַלין זענען יאָ געווען עמפּינדלעך כלפּי די פּלענער פון דער דייטשישער אַרמיי אויף די פראָנטן און גרייט געווען צו וואָרענען די ברוינע מערדער, אין פאַל ווען זיי וואָלטן אָנגעהויבן פירן די מלחמה מיט אַנדערע מיטלען ווי די וואָס זענען געווען "אָנגענומען" צו יענער צייט. אין אַ פּערזענלעכן און שטרענג געהיימען בריוו, וואָס דער פּרעמיער פון גרויס־בריטאַניע האָט אַרויסגעשיקט צו י.וו. סטאַלין גראָד אין טאָג פון 19טן אַפּריל (דאָקומענט נר. 147 ז׳ 117), ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, ווערט געזאָגט:

"פון שפּאַניע דערגייען צו אונדז קלאַנגען, אַז די דייטשן האָבן בדעה אָנצווענדן גאַז אויפן רוסישן פראָנט און איך נעם אָן, אַז אויך איר באַזיצט ענלעכע ידיעות. שרייבט מיר צי איר פאַרלאַנגט, אַז כ׳זאָל ווידער איבערחזרן מיין דערקלערונג פון פאָריקן יאָר, אַז פאַר יעטוועדן כימישן אָנגריף אויף אייער לאַנד, וועלן מיר גלייך ענטפערן מיט א כימישן אָנפאַל פון דער לופט אויף דייטשלאַנד אין די סאַמע ברייטסטע מאַסשטאַבן. מיר זענען לגמרי פעיק אויסצופילן יעטוועדער דראָונג מיט וועלכער מיר וועלן אַרויסטרעטן."

אויף דעם קומט סטאַלינס ענטפער (דאָקומענט נר. 148, ז׳ 118, דאַטירט דעם זעלבן טאָג — 19 אַפּריל 1943):

"פאַרשטייט זיך, אַז איך האַלט פולקאָם אונטער אייער פאָרשלאַג איר זאָלט אַרויסטרעטן מיט אַ וואָרענונג צו היטלערן און זיינע פאַרבינדעטע און זיי דראָען מיט אַ מעכטיקן כימישן אָנפאַל אין פאַל פון זייערס אַ גאַזן־אָנגריף אויף אונדזער פראָנט. די סאָוויעטישע אַרמיי וועט פון איר זייט זיך צוגרייטן צו אַ ווידערשטאַנד."

ס׳איז אָנצונעמען, אַז טשערטשיל, פּונקט ווי סטאַלין, האָבן שוין געהאַט ידיעות וועגן אָנווענדן טויזנטער פּושקעס מיטן "ציקלאָן ב" אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ, מיידאַנעק, סאָביבור און אַנדערע ערטער. נאָר ווייזט אויס, אַז אין זייערע אויגן איז דער "יידישער פראָנט" פון טאָטאַלער פאַרניכטונג נישט באַטראַכט געוואָרן פאַר קיין מלחמה־פראָנט און ס׳האָט אויך נישט געהאַט קיין זין זיך אַריינצומישן. די "ענטגילטיקע לייזונג" דאַרף מען איבערלאָזן פאַר היטלערן און אייכמאַנען, דאַקעגן טשערטשיל און סטאַלין וועלן זיין גרייט צו אינטערווענירן און וואָרענען אויפן בלויזן קלאַנג פון דער ווייטער שפּאַניע, אַז מ׳האָט ערשט בדעה אָנצווענדן גאַזן...

*

און צום סוף — נאָך איין דאָקומענט פון דעם זעלבן בוך, וואָס לייקנט אינגאַנצן אָפּ די טענה פון "טעכנישע שוועריקייטן" צו באָמבאַרדירן אוישוויץ.

דעם 17טן אַפּריל 1943 שרייבט צוו. אַנד. טשערטשיל צו סטאַלינען אין אַ פּערזענלעכער און פאַרטרוילעכער נאָטע:

"היינטיקע וואָך האָבן מיר דערלאַנגט דריי מעכטיקע קלעפּ: איבער שטשעטשין, שטוטגאַרט און די "סקאָדאַ"-פאַבריקן אין פּילזען און אין מאַנהיים. אין ערשטן אָנפלי האָבן 174 עראָפּלאַנען אַראָפּגעוואָרפן 460 טאָן באָמבעס. דער צווייטער קלאַפּ — איבער שטוטגאַרט — איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ גלענצנדיקן דערפאָלג: 462 באָמבירער האָבן אַראָפּגעוואָרפן 750 טאָן. פאָריקע נאַכט האָבן מיר געשיקט 598 עראָפּלאַנען אויף די צוויי דערמאָנטע צילן (פּילזען און מאַנהיים) און דערביי זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן ביי אַ 850 טאָן. אין די דאָזיקע דריי אָנפליען האָבן מיר פאַרלוירן 81 באָמבירער און בערך אַ 500 מענטשן פון הויך-קוואַליפיצירטן פערסאָנאַל פון אונדזערע לופט-כוחות. איך חזר איבער מיין פאַרזיכערונג, אַז די אָנפליען וועלן פאַרגעזעצט ווערן אין זומער מיט אַ שטייגנדיקער קראַפט."

ווי באַוווּסט, האָט טשערטשיל געהאַלטן וואָרט און די בריטישע אַוויאַציע האָט אין די יאָרן 43-44-45 חרוב געמאַכט דייטשישע שטעט, מיליטערישע אָביעקטן און מיליטער-קאָנצענטראַציעס, נישט געקוקט אויף די גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן און רעסורסן. פאַר ענגלישע פליער און עראָפּלאַנען איז נישט שווער געווען צו דערגרייכן די שטאָט שטשעטשין אויפן ברעג פון באַלטישן ים, פּילזען אין טשעכאָסלאָוואַקיי און אַנדערע שטעט אין טיף דייטשלאַנד. בלויז פאַר אוישוויץ האָבן עקזיסטירט "טעכנישע שוועריקייטן"...

די צוויי-בענדיקע אויסגאַבע פון סאָוויעטישן אויסערן-מיניסטעריום איז דער עיקר אויסן געווען צו באַווייזן — און דאָס איז אויך טיילווייז געלונגען! — אַז די מערבדיקע אַליאַנטן האָבן בכיוון אָפּגעשלעפּט מיטן עפענען דעם "צווייטן פראָנט", כדי לאָזן אָפּגיין אין בלוט דעם ראַטן-פאַרבאַנד. אָבער איך קאָן זיך נישט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז אַלע דריי צוזאַמען (לאָנדאָן, מאָסקווע און וואַשינגטאָן) האָבן אָפּגעשלעפּט מיטן עפענען דעם פראָנט פון דיפּלאָמאַטישע און מיליטערישע רעאַגירונגען אויף דעם חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום. די קעגנזייטיקע טענות און חשבונות וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט צו דערלאַנגען ענגלאַנד און אַמעריקע פון יענע יאָרן באַפרייען אונדז נישט פון דער פליכט צו דערלאַנגען אַלע דריי אונדזער, מיט בלוט-טריפנדיקן, יידישן חשבון...

(י"ש ת"א, 20.2.63, א"נ, מעלבורן, 8.3.63; 15.3.63)

# אונדזער שטעטל ברענט...

## (30 יאָר נאָכן פּאָגראָם און ווידערשטאַנד אין פּשיטיק)

באַלד נאָך די טראַגישע געשעענישן אין פּשיטיק, האָט דער פאָלקס-דיכטער און פאָלקס-זינגער מ. געבירטיק, אינעם ליד "ס'ברענט", ממש נביאותדיק אויסגעשריען זיין וואָרענונג און צאָרן. היות ווי ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס אין קראָקעווער געטאָ, און דאָס פריער דערמאָנטע ליד איז געווען ווי אָפּגעמאָסטן פאַרן געמיט-צושטאַנד פון דער שארית-הפליטה — איז עס דורכן פאָלק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין הימן, צי קינות אויפן גרויסן חורבן. דער אמת איז דער, אַז "עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט" איז פאַרבונדן מיט דער פּשיטיקער שריפה, די פאָרגייערין פון דעם שפּעטערדיקן, ריזיקן בראַנד-פייער וואָס האָט פאַרלענדט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

וויפיל פיין, אָנזאָג זענען פאַראַן אין די שורות:

"בייזע ווינטן מיט ירגזון,
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פלאַמען, אַלץ אַרום שוין ברענט..."

אין די דרייסיקער יאָרן, האָט דער באָדן אונטער די פיס פונעם פּוילישן יידנטום געברענט. דאָס פייער, פונאַנדערגעפלאַקערט דורך די ענדעקישע אַנטיסעמיטן און די נאַראַ־פּאַגראָמשטשיקעס; דורך סקלאַדקאָווסקיס "אָווּשעם"־פּאָליטיק און די פּריסטאָראָוועס זאָרג פאַר "הומאַניטאַרער" שחיטה — איז אונטערגעוואַרעמט געוואָרן דורך פּוילנס מערבדיקן שכן, היטלער־דייטשלאַנד. די בייזע ווינטן פון דאָרט האָבן נאָך שטאַרקער צעבלאָזן דאָס היימישע, אַנטיסעמיטישע פייער. דעם יידישן סטודענט האָט מען אין די הויכשולן געוואָלט אַוועקזעצן אויף "יידישע בענק" און דעם אָרעמען בעל־מלאכה און מאַרק־הענדלער — פאַרטרייבן פון די יאַרידים און מסחר.

אויף אַזאַ פּאַרמיסטיקטן באָדן איז מיט 3 צענדליק יאָר צוריק געבאָרן געוואָרן דער פּאָגראָם אין פּשיטיק, וועלכער האָט אָבער געהאַט אויך אַ צווייטע זייט פון דער מטבע: יידישער ווידערשטאַנד — אַן אָרגאַניזירטער, ציל־באַוווּסטער, מוטיקער און קאָנסעקווענטער. די דעמאָלטיקע מרידה קעגן די כוליגאַנעס איז געווען אַזוי שטאַרק און עפעקטיוו, אַז מיט 6 יאָר שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן נאָך דער "וואַנזעע־קאָנפערענץ" באַשלאָסן אומצוברענגען דאָס אייראָפּעאישע יידנטום, איז זיי געגאַנגען אין לעבן צו וויסן די טרייב־כוחות און סיבות פונעם יידישן ווידערשטאַנד אין פּשיטיק.

*

400 משפּחות האָט געציילט דאָס דאָזיקע שטעטעלע אין ראַדאָמער פּאָוויאַט, קעלצער וואָיעוואָדסטווע. דערפון — 90% יידן. און גראָד אַזאַ ישוב האָבן די אַנטיסעמיטן געוואָלט אַנטיידישן. נאָך אין די יאָרן 1934־35 האָט אין יענער סביבה זיך געפירט אַ ווילדע אַנטיסעמיטישע העצע. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט פלוגבלעטלעך, אויפרופן און צייטונגס־אַרטיקלען צו קויפן נאָר ביי פּאָליאַקן ("סוואָי דאָ סוואָגאָ פּאָ סוואָיע"), ביז פּיקעטן ביי יידישע געשעפטן און סטראַגאַנעס. שפּעטער — כוליגאַנישע אַרויסטרעטונגען און עקסצעסן אין אָדזשיוואָל און קליף, ביז דעם גרויסן פּאָגראָם אין פּשיטיק גופא.

דאָס איז געשען דעם 9־טן מערץ 1936, שושן פּורים. אונטערגעהעצטע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און געדונגענע פּיקעטניקעס, האָבן צומערשט אָנגעהויבן ווילדעווען אין די פאַרשטעט פּאָדגייעק און פּיאַסקי. באַוואָפנט מיט שטעקנס, דרענגער, קלאָניצעס, שטיינער (אַ טייל אויך מיט געווער), האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין יידישע היימען, געשפּאָלטן קעפּ, צעהאַקט מעבל, געטיילט קלעפּ, צעבראַזגעט שויבן, געזייעט חורבן און פאַרוויסטונג. דערביי האָט מען נישט געשוינט קיין אַלטע לייט און קינדער. די בעסטיאַלישקייט פון די רוצחים איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן פאַרפּייניקט אויף טויט דעם שוסטער יוסף מינקאָווסקי און זיין פרוי חיה. דערנאָך אַפּירגעשלעפּט פון אונטערן בעט די דערשראָקענע קינדער און זיי געשלאָגן מכות־רצח.

אַ סברה, אַז מיטן טויט פון די מינקאָווסקיס, זענען די חייהשע אינסטינקטן פון די פּאָגראָמשטשיקעס עטוואָס געשטילט געוואָרן. די מאָרד־מלאכה ווערט אָפּגעשטעלט. אָבער אין צענטער פון שטאָט, אויפן מאַרק גופא — שטעלן יידן אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. דער 20־יאָריקער פרומער בחור שלום לעסקאָ שיסט אַפילו פון אַ רעוואָלווער. איין פּויער פאַלט טויט. פּשיטיקער בחורים זענען פּסיכיש און פּראַקטיש געווען צוגעגרייט צום ווידערשטאַנד, אַז אַ גאַנצער יאַריד פּויערים איז אין בהלה און שרעק אַנטלאָפן פאַר די מוטיקע יידן. די אחינו בני ישראל אין פּשיטיק האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דער פּאָליציי און אוודאי נישט אויפן סטאַראָסטע, וועלכער האָט איראָניש־ציניש געענטפערט יעדער יידישער דעלעגאַציע פאַר די געשעענישן: "דערווייל זענען קיין געהרגעטע נישטאָ..."

יצחק פרידמאַן, איינער פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער זעלבשוץ אין פּשיטיק (היינט אין ישראל), ווייסט צו דערציילן, אַז פאָרשטייער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.), פון דער פּויערים־פּאַרטיי, און ליבעראַלע פּאָליאַקן, האָבן מיטגעאַרבעט מיט די יידן, זענען גרייט געווען זיי העלפן אין קאַמף מיט די כוליגאַנעס.

דער גייסט פוןווידערשטאַנד איז אַזוי געווען איינגעוואָרצלט אין דער יידישער פשיטיק, אַז אַפילו דער 68־יאָריקער באַשולדיקטער, לייזער פעלדבערג, האָט מוטיק דערקלערט דעם ריכטער: "ווען אַפילו איר, הער ריכטער, זאָלט מיר טאָן שלעכטס, וואָלט איך זיך פאַרטיידיקט..."

דער ענין פשיטיק האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין פוילן און אין דער גאַנצער וועלט. דאָס פוילישע יידנטום האָט אַפילו אַדורכגעפירט אַן איינטאָגיקן פּראָטעסט־שטרייק; דער "דזשאָינט" האָט מאָביליזירט הילף פאַר די געליטענע; די יידישע אַגענץ האָט באַזאָרגט מיט סערטיפיקאַטן די יתומים פון די מינקאָווסקיס זיי זאָלן עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

דריי געריכטלעכע אינסטאַנצן האָבן זיך פאַרנומען מיטן פשיטיקער פּאָגראָם: דאָס ראַדאָמער קרייז־געריכט, דאָס לובלינער אַפּעלאַציע־געריכט און דאָס העכסטע געריכט אין וואַרשע. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זענען אין דער ערשטער אינסטאַנץ אַוועקגעזעצט געוואָרן 44 פּאָליאַקן און 14 יידן. עס זענען אויסגעהערט געוואָרן 320 פּוילישע און 80 יידישע עדות. שווערע אורטיילן זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן, אָן וועלכער ס'איז פּראָפּאָרץ כלפי די איבערפאַלער און זייערע קרבנות. דאָס איז באַלד צו זען לויט דעם, ווי דער באַשולדיקונגס־אַקט איז געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט. אָט־וואָס עס שרייבט יעקב לעשטשינסקי, באַוווסטער עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג, וועלכער האָט בייגעוווינט דעם פשיטיקער פּראָצעס:

"...ער שלעפּט אַרויס די יידן אויפן ערשטן פּלאַן: ער שטעלט זיי, וואָס האָבן געהאַט די העזה זיך צו פאַרטיידיקן, אַרויס אין פראָנט, אויבן־אָן. און דער באַשולדיקונג־אַקט הייבט זיך אָן אַזוי: די יידן, יאַנקל־אברהם כאַבערבערג, לייזער פעלדבערג, יאַנקל זיידע, רפאל באָניק, משה פּערשט, שאול קרענגעל, משה צוקער, לייב לענגע, יצחק באַנדע און יצחק פרידמאַן, ווערן באַשולדיקט, אַז אין דער זעלבער צייט ווען ס'איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענשטויס צווישן דער פּאָליציי און די פּויערים, זענען זיי באַפאַלן די פּויערים, וועלכע האָבן זיך געאיילט אַוועקצופאָרן צו זיך אַהיים, שלאָגנדיק זיי מיט שטעקנס און מכשירים, וואַרפנדיק שטיינער און פאַרוווּנדיקנדיק אויף אַזאַ אופן יוזעף שימאַנסקי אין קאָפּ, פון וואָס ער האָט באַקומען אַ מוח־דערשיטערונג. און פאַרוווּנדיקנדיק אַ סך אנדערע פּויערים, וועלכע האָבן באַקומען סיניאַקעס און געשווילעכצן..."

אויפן געריכט האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן אַ גרופּע יידן־פּרעסערישע אַדוואָקאַטן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אַן אייניקל פון דעם באַוווסטן היסטאָריקער־משומד קרוּיזהאַר — מיט די פאַרטיידיקער פון די יידן, בערנסאָן, עטינגער, מאַרגולעס, קריגער — בראש מיט די נאָבעלע פּאָליאַקן, ווי דער דעקאַן פּראָפ' פּעטרוסעוויטש און שימאַנסקי.

נאָר איידער די ריכטער האָבן געפסקנט יאָרן תפיסה, האָט די אַנטיסעמיטישע פּרעסע מיט אומבאַהאַלטענער שאָדן־פרייד, אַרויסגעטראָגן איר פּסק־דין איבער די יידן אין פּוילן און איבער דער יידישער פשיטיק. דעם 25סטן מערץ 1936 האָט דער "דזיענניק נאַראָדאָווי" געשריבן: "מען קאָן לעבן אָן יידן". און אַ צווייטע אַנטיסעמיטישע צייטונג טריאומפירט: "ס'איז אָנצונעמען, אַז אויפן אָרט פון דער יידישער פשיטיק, וועט אַנטשטיין אַ ריין פּוילישע פשיטיק..."

די טרויעריקע נבואות זענען מקויים געוואָרן. די אַנטיסעמיטן האָבן זיך דערוואַרט צו דער אַנטיידישונג פון פּוילן. אַבער געטאָן האָט עס זייער שונא, דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד. אַ צעטרעטענע און פאַרשקלאַפטע, אַן אָפּגעייענדיקע אין בלוט, האָט די צעקלאפּטע אין יאָר 1939 פּוילן, באַדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם הויפּט־אָרט פאַר טאָטאַלער פאַרניכטונג פון יידן. מיט 5 יאָר שפּעטער איז אויך פשיטיק געוואָרן יידן־ריין. נאָר באַזאַמען מיטן אויסזידלען אין יאָר 1941 די גאַנצע פשיטיקער יידישע באַפעלקערונג, האָט מען אויך די פּאָליאַקן פון דאָרט אַרויסגעשיקט. געטאָן האָט דאָס מיט ריקזיכטלאָזיקייט און אכזריות לגבי ביידע פעלקער — דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט. ווייל פשיטיק און די אומגעגענט האָבן באַדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ריזיקן איבונגפעלד פאַר דער דייטשער אַוויאַציע, וועמען מ'האָט צוגעטיילט אַ באַזונדערע אויפגאַבע אינעם פּלאַנירטן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד.

מיט אַ יאָר שפּעטער אינטערעסירט זיך ווידער די דייטשע מאַכט מיט פּשיטיק. דאָס מאָל — מיט אַ ספּעציפיש יידישן ענין, הגם יידן זענען שוין פון לאַנג נישט געווען אין שטעטל.

אין "ביולעטין פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט" (וואַרשע, יולי־דעצעמבער 1955, נומ' 15/16) דערציילט אַ. רוטקאָווסקי, אַז ווי נאָר די דייטשע רוצחים האָבן זיך גענומען צו דער "ענטגילטיקער לייזונג" פון דער יידן־פראַגע, האָבן זיי געוואָלט פאַרשן און דערלערנען דעם יידישן ווידערשטאַנד אין פּשיטיק אין יאָר 1936. פון קראָקע, דאָס זיצאָרט פון דער צענטראַלער אָקופּאַציע־מאַכט פאַרן גענעראַל־גוווערנעמענט און דער יידישער אַליינהילף (זש.ס.ס.), זענען אַוועק שריפטלעכע און טעלעפאָנישע אָנפראַגן אין ראַדאָמער דיסטריקט און צום יודענראַט — ווי אַזוי האָבן די יידן איינגעשטעלט זייער זעלבשוץ אין פּשיטיק.

"די באַרימטע פּשיטיקער געשעענישן, אויפגעגראָבן דורכן אָקופּאַנט אָנהייב 1942, נעמט אָן אַ באַזונדערע אויסשפּראַך און זאָגט עדות וועגן דער פּאַנישער מורא פון די היטלעריסטן פאַר אַן עווענטועלן ווידערשטאַנד פון די יידישע מאַסן" — שרייבט א. רוטקאָווסקי.

*

"שטייט נישט ברידער, אָט אַזוי זיך, מיט פאַרלייגטע הענט.
שטייט נישט ברידער, לעשט דאָס פייער — אונדזער שטעטל ברענט!"

מיט די דאָזיקע שורות פאַרענדיקט געבירטיק זיין "ס'ברענט", וויסנדיק, אַז זיינע פּשיטיקער ברידער זענען נישט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט, אַז זיי האָבן פּרובירט לעשן דאָס פייער...

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז אַ סך דערמוטיקונג און ביישפּיל פון דער פּשיטיקער יידישער זעלבשוץ, האָבן זיך גענומען די שפּעטערדיקע קעמפער אין געטאָס, אין די וועלדער, אין די פאַרטיזאַנער און אין דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין דער אָקופּירטער אייראָפּע.

פּשיטיק איז דעריבער געווען נישט נאָר אַן אבן־דרך איז אונדזער געשיכטע, נאָר אויך — אַ מורה־דרך...

(י"ש ת"א, 9.3.66; ע"ה ת"א, מרץ 1966; ספר פשיטיק, ת"א, 1973).

# דער נאַצי־קרבן שלמה א. פּרעגט...

שוין 14 יאָר ווי דער העפטלינג שלמה א. ליגט א פּאַראַליזירטער אין איינעם פון די מלב"ן=(דזשאָינט) שפּיטאָלן אין לאַנד. ער ליגט א פאַרגעסענער פון די אמאָליקע חברים און פריינד, א באַעוולטער פון די אינסטאַנצן וואָס האָבן אים באַדאַרפט צופּסקנען אַנטשעדיקונג פאַר זיין אינוואַלידנשאַפט און כראָנישער קראַנקהייט און א פאַרביטערטער אויף דער פרעסע, הלמאי זי באַשרייבט נישט אזא פאַל ווי זיינער... דער געליימטער גוף,ביידע פיס און רעכטע האַנט, האָבן אָבער נישט אוועק גענומען פון אים דעם ליבלעכן שמייכל און קלאָרן געדאַנק — צוויי זעלטענע אייגנשאַפטן פון א קרבן פון די נאַצישע רדיפות און אכזריותן.

מיט 2 חדשים צוריק האָט ער פון דער אַפּעלאַציע־קאָמיסיע פאַר דער אָנווענדונג פונעם געזעץ וועגן אינוואַלידן, נאַצי־קרבנות תשי"ז־1957 (ועדת העררים לצורך חוק נכי רדיפות הנאצים תשי"ז־1957) באַקומען אַן ענטגילטיקן אָפּזאָג אויף זיין נישט מסכים זיין מיטן באַשלוס פון דער מעדיצינישער קאָמיסיע פון 16.12.64, וועלכע האָט נישט אַנערקענט זיין אינוואַלידנשאַפט אַלס פּועל־יוצא פון זיינע איבערלעבונגען אין לאָדזשער געטאָ און אין אוישוויץ. די געלערנטע דאָקטוירים און ריכטער זעען נישט קיין צוזאַמענהאַנג צווישן שלמהס ליגן צוגעשמידט צום בעטל אַזוי פיל יאָרן, און יענעם פאַטאַלן זעץ מיט א שטעקן אין דער חוט־השידרה, וועלכן ער האָט באַקומען אין א ווינטערדיקן טאָג 1943 אין אוישוויץ. נאָר אויך אין דעם פאַל איז פּאָרט גילטיק דאָס אַלטע יידישע פאָלקס־ווערטל, אז מען דאַרף פרעגן דעם חולה — און נישט דעם רופא... לאָמיר־זשע טאַקע הערן דעם געליטענעמס דערציילונג און — זיינע פראַגן.

נאָר פאַר אַלעמען — קוקט זיך גוט איין אין דעם בילד.

אזוי האָט דער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט פון ד״ר יאָזעף געבעלס און דער ״שטירמער״ פון יוליוס שטרייכער פאָרגעשטעלט אין יאָר 1940 אונדזער העלד, דערצו נאָך מיט אזא אויפשריפט: ״זעמטליכע בילדער שטירמער־אַרכיוו. איין יידישער מויכעל־מערדער. ער האָט פאָם דאָכע זיינעס וואַהנהאַוזעס אַוף דויטשע זאָלדאַטען געשאָסען״. אויף אונדזער יידיש לשון הייסט עס, אַז דער־אָ יונגערמאַן איז אַ פאררעטערישער רוצח, וועלכער מאָרדעט פון אונטן ארום, אויסער דעם האָט ער פונעם דאך פון זיין הויז געשאָסן אויף דייטשע זעלנער...

אויף וויפל מיר ווייסן, האָט שלמה אין זיין לעבן נישט געהאלטן קיין ביקס אין האנט. סיידן — א ל״ג־בעומר ביקסל. די וואָס האָבן מיט אים געלערנט אין דער באָראָכאָװ־שול אין לאָדזש און שפּעטער געארבעט אין פאבריק, האָבן וועגן אים געזאָגט, אז ער טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט, איז נישט מסוגל זיך אויפצורעגן. זיין שטענדיקער שמייכל אויפן פּנים איז געוועזן א שם־דבר. אָבער גראָד אים, האָבן די ריכטיקע פעלקער־מערדער און רוצחים פון אונדזער פאָלק, פאָטאָגראַפירט און אויסגעקליבן אלס מאָדעל פון א פאררעטערישן, סאַדיסטישן טיפּ, וואָס רק ער ליגט אויפן דאך און שיסט אויף אומשולדיקע דייטשן, נעבעך... (אזוי האָט אים פאַרגעשטעלט דער ״שטירמער״ אין יאָר 1940).

דערנאָך איז שלמה מגולגל געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ, אין ״קיניגרייך״ פון רומקאָווסקי, מיט הונגער, קראַנקהייטן, דעגענעראַציע, געפאַלנקייט — ביזן טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ. דער קליינוווקסיקער, אָבער פיזיש געזונטער און שטענדיק שמייכלענדיקער שלמה, דערמוטיקט אַנדערע אין אוישוויצער גהינום, העלפט מיט א גוט וואָרט, מיט אַ ביסן ברויט, באַמיט זיך אַליין איבערהאַלטן דאָרט די שווידערלעכע טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן. באַזונדערס איז ער אָפּגעהיטן אויף די אַפּעלן, ווען מען דאַרף אין אַ פראָסטיקער נאַכט שטיין שעהן אויף די אָפּגעשוואַכטע פיס און דער אויסגעמאַטערטער קערפּער טאָר זיך ניט געבן קיין באַוועג, קיין ריר. ער ווייסט, אַז אַפילו אַ פינטל מיטן אויג וועט באַמערקט ווערן — און אַ גומי־שטעקן, צי אַ נאַהייקע פאַרענדיקט מיט אַ בלייערנע גאַלקע, וועט דערפאַר טיילן קלעפּ, אָדער — טויטן אויפן אָרט.

נאָר ווי לאַנג קאָן מען זיין אָפּגעהיטן אין אוישוויץ? שלמה באַקומט אַ שניידיקן זעץ מיט אַ שטעקן אין רוקן. ער פאַלט אום, נאָר הייבט זיך שנעל אויף, ווייל ער ווייסט: קוים בלייבט ער ליגן, וועט מען אפשר אָנווענדן דאָס אויסגעפּרוּווטע מיטל: אים איבערדרייען מיטן פּנים אַרויף, אַוועק לייגן דעם זעלבן שטעקן אויפן האַלדז און אַ ס.ס.־מאַן צי אַ היימישער קאַפּאָ, וועט מיט די פיס זיך שטעלן אויף ביידע עקן פון שטעקן און אַזוי לאַנג דריקן און קוועטשן, ביז דער קרבן וועט דערשטיקט ווערן. דער ווייטיק פון קלאַפּ איז גרויס, ער פילט באַשיינפערלעך ווי אינעווייניק האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, קוים ער שטייט אויף די פיס. נאָר לאַנג טראַכטן לאָזט מען נישט. ער באַקומט אַ באַפעל זיך אָפּטראָגן צוריק אין באַראַק. מען דאַרף גיין, אַפילו לויפן. נאָר פון איצט אָן איז זיין גאַנג אַ וואַקלדיקער, ווי ביי א קאַטשקע...

צומאָרגנס, ווען מען טרייבט די שקלאַפן צו דער אַרבעט, באַקומט שלמה אַ צונאָמען: קאַטשקע... אוישוויץ האָט נאָך געהאַט אַ חוש פאַר צונעמען אויך! זיין גאַנג דערמאָנט פולשטענדיק דעם פלאַטער פון צוויי־פיסיקן עוף, ווען ער איז אין באַוועגונג. נעכטן האָט שלמה נאָך געהאַט אַ מענטשלעכן גאַנג. היינט, נאָכן קלאַפּ, האָט זיך אַ סך געענדערט.

*

דער טאָג פון באַפרייאונג איז געקומען. צווישן די טויזנטער לעבעדיקע סקעלעטן אין אָשוויענטשים, האָט זיך אויך געפונען שלמה. אין די טעג פון ״קומען צו זיך״ אין לאָדזשער שפּיטאָל, אין יידישן רעקאָנוואַלעסצענטן הויז, ווען ער ווייסט שוין אויף זיכער אַז פון דער גרויסער משפחה איז ער געבליבן אַליין, אויסער דער ברודער וואָס דאַרף קומען מיט דער רעפּאַטריאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד, פאַרשווינדט ניט אַלץ פון זיין פּנים דער ליבלעכער, מענטשלעכער און וואַרעמער שמייכל.

געשטעלט זיך אויף די פיס — הייבט ער אָן אַרבעטן אין איינער פון די יידישע אינסטיטוציעס אין לאָדזש. אמת, דער וואַקלדיקער און וויגנדיקער גאַנג האָט ניט אויפגעהערט, די חוט־השידרה שטעכט און ברעכט — מען איז אָבער דאָך פריי, דערלעבט אַ נקמה אין היטלערן. דאָס וויכטיקסטע: מען גרייט זיך עולה זיין קיין ארץ־ישראל, וועלכע דאַרף פראָקלאַמירט ווערן אַלס יידישע מדינה.

אפשר וועט דער דאָרטיקער קלימאַט און וואַרעמקייט אַוועק נעמען די ווייטיקן פון דיביינער, אויף וועלכע דאָקטוירים זאָגן, אָז דאָס איז אַוודאַי רעוומאַטיזם, צי אַרטרעטיזם פון די לאַגער־יאָרן.

און דער עצם געדאַנק, אַז נאָך אוישוויץ וועט מען זוכה זיין צו אַ יידישע מדינה, אַן אייגענע רעגירונג, ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך — האָט אים באַגייסטערט, דערמוטיקט, צוגעגעבן כוח.

ווען מ׳האָט אים געפרעגט: ״שלמה, ווען פאָרסטו קיין ארץ־ישראל?״ — האָט ער געענטפערט: ״מ׳האָט מיר שוין גענומען אַ מאָס!...״ דער דאָזיקער זאָג איז דערנאָך שטאַרק באַרימט געוואָרן אין דער יידישער לאָדזש.

אין יאָר 1949 איז ער עולה קיין ישראל. איך ווייס נישט צי ער איז געפאַלן קושן די היגע ערד ווען ר׳איז אַראָפּ פון דער שיף, נאָר אינערלעך האָט ער זיכער איבערגעלעבט אַזעלכעס וואָס איז שטאַרקער ווי באַרירן מיט די ליפּן דעם דערגרייכטן ברעג. איצט איז מען ביי זיך אין דער היים, אויס נע־ווּנד, אַ סוף צום מעמד פון אַן אומגעבעטענעם גאַסט ביי יענעם. די אויסגעטרוימטע מדינה וועט אַוודאַי ניט אַנטוישן, ווי צאַרטע טאַטע־מאַמע צוטוליען צו זיך דעם פאַריתומטן זון, ניט לאָזן קיין עוולה טאָן דעם אַזוי שווער־געפּרוּווטן קינד.

ביזן יאָר 1952 האָט שלמה זיך געפילט ווי איינער פון די גליקלעכע בירגער אין דער אויפגעריכטער מדינה, טאַקע אַ מעברה, ״צנע״, אַ יאָגן זיך נאָך עטלעכע טעג אַרבעט — אָבער פאָרט ביי זיך אין לאַנד. ביז ער איז אַ געוויסן טאָג אומגעפאַלן — און מער ניט געקאָנט זיך אויפשטעלן. דער רעכטער פוס איז געוואָרן געליימט. דאָקטוירים האָבן זיך דערקענט אויף דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע און אים אַוועקגעשיקט אין דעם ״דזשאָינט״־שפּיטאָל פאר כראָניש קראַנקע. פון יענעם אומגליק זענען פאַריבער 14 יאָר. דער פּאַראַליזש האָט געמאַכט גרויסן פאָרשריט: זיך איבערגעוואָרפן אויפן צווייטן פוס, באַהערשט דעם קערפּער, ביזן האַלדז, אָפּגעטויט די רעכטע האַנט. בלויז די לינקע האַנט איז נאָך פעיק צו געבן אַ שוואַכן צי ביים גלעקל, ווען ער דאַרף רופן די קראַנקן־שוועסטער. בעת אונדזער געשפּרעך, אַז איר וויל פאַריכטן דאָס קישן, לאָזט ער ניט. ער רופט די שוועסטער. לויטן שמייכל און וואַרעמקייט ווי זי רעדט און באַציט זיך צום קראַנקן, זע איך, אַז ער געהערט ניט צו יענע פּריקרע און קאַפּריזנע פּאַציענטן. דאָס שפּיטאָל־פּערסאָנאַל באַקלאָגט זיך ניט אויף דעם קראַנקן מיט אַזא ״סטאַזש״, וועלכער איז כסדר צוגעשמידט צום בעטל. אויך זיי ווייסן, אַז דער מוח אַרבעט ביי אים מיט דער זעלבער קלאָרקייט און שאַרפקייט, ווי פאַרן אומגליק. אפילו דער לעצטער אָפּזאָג פון דער אפּעלאַציע האָט אים ניט אַרויסגעבראַכט פון די כלים, פאַרפינצטערט דאָס געזיכט, געלייגט זיך ווי אַ שווערער שאָטן אויף דער נשמה...

אַ סך וואַסער איז אָפּגעפלאָסן אין ירדן, זינט שלמה לאָדנט זיך — מעדיצינייש און יורידיש — מיט דער ישראל־רעגירונג וועגן אַנטשעדיקונג, אַלס אינוואַליד, אַ געליטענער פון די נאַצי־רדיפות. די ״ווידערגוטמאַכונג״ פון דייטשלאַנד האָט ער יאָ באַקומען. די זעלבע געהאָרכזאַמע, דיסציפּלינירטע דייטשן, וועלכע האָבן בשעתו אַזוי פלייסיק געטאָן היטלערס פאַרברעכערישן רצון, האָבן בימי אַדענאוער אויך טריי אויסגעפירט די באַפעלן און באַשלוסן פון דער מערב־דייטשער רעגירונג וועגן ״פאַרגיטיקן״ די קרבנות פון דריטן רייך. אויך שלמה האָט באַקומען דאָס זייניקע. מען קאָן דעריבער אָננעמען, אַז פאָרמעל האָט ער מיט די דייטשן פאַרענדיקט זיין חשבון. זיין

צווייטע פאָדערונג איז געווען צו אונדזערע, יידיש־ישראלדיקע אינסטאַנצן, וועלכע האָבן אין די ראַמען פון שילומים־הסכם באַקומען אַ גלאָבאַלע סומע צו באַצאָלן די שווער־געליטענע, כראָניש־קראַנקע און אינוואַלידן, וועמענם געזונט־צושטאַנד איז אונטערגעבראָכן געוואָרן אין רעזולטאַט פון די דייטשע, פאַרברעכערישע רדיפות. כדי זוכה זיין צו אַזאַ פאַרגיטיקונג, מוז אַ מעדיצינישע קאָמיסיע פון ישראל־דאָקטוירים פעסטשטעלן, צי איז די איצטיקע קראַנקהייט אָדער אינוואַלידשאַפט אַ דירעקטער פועל־יוצא פון אַ מיידאַנעק, געטאָ, בונקער — אָדער אַ נאָרמאַלע מענטשלעכע מחלה וואָס האָט זיך סתם געקאָנט צוטשעפּן צו אַ מענטשן צוליב זיין עלטער אָדער אַנדערע סיבות, נאָר בשום אופן נישט צוליב דייטשער רשעות און פאַרדאָרבנקייט.

שלמהן האָט די קאָמיסיע אָנערקענט, אַז ער איז טאַקע שוין אַ סך יאָרן פאַראַליזירט, אָבער ניט דער קלאַפּ אין אוישוויץ, ניט דאָס לאָדזשער געטאָ, צי אַנדערע צרות וועלכע ר׳ האָט געהאַט אויסצושטיין אין די יאָרן 45־1939, האָבן דערפירט צו זיין איצטיקן צושטאַנד. אַ סברה, אַז זיין קראַנקהייט איז גאָר געקומען... מן השמים!

*

ער ווייסט, אַז ר׳איז ניט דער איינציקער קרבן פון דער ישראל־דייטשער טראַנזאַקציע לויט וועלכער די קרבנות ווי ער, דאַרפן פאַרגיטיקס ווערן פון ירושלים — און ניט פון באָן. די דייטשן האָבן זיך באַפרייט פון דעם קלאַפּאָט מיט דער הילף פון אַ גרויסער סומע אויסלייז־געלט פאַר דעם סאָרט געליטענע. זאָלן די יידן אַליין זיך ברעכן דעם קאָפּ, מיטן באַשטימען ווער און מיט וויפיל עס האָט אַ רעכט צי געניסן דער אינוואַליד, צי כראָניש־קראַנקער. דערוויל האָבן קאָפּ־ברעכעניש די... שלמהס. אַזעלכע ווי זיי ווערן גוט־גוט אונטערזוכט, געפּאָרשט, מען פאַרלאַנגט פון זיי רענטגענס, אַנאַליזן, פאָטאָגראַפיעס, קראַנקן־קאַרטעס פון פאַרלאָפענע יאָרן, מעדיצינישע באַשטעטיקונגען, מיינונגען פון דאָקטוירים וועלכע האָבן זיי געהיילט. דער אויסגעברענטער אוישוויץ־נומער אויפן אָרעם, איז פאַר דער קאָמיסיע ניט קיין גענוגנדיקער דאָקומענט... זיי דאַרפן עפּעס מער באַשיינפערלעכס!

און שלמה פרעגט:

פאַר וואָס איז די **ישראלדיקע** דאָקטוירים־קאָמיסיע אַזוי שטרענג און ריקזיכטלאָז ביים באַהאַנדלען די קרבנות פון די **דייטשע** פאַרברעכנס?

אויב די רעגירונג האָט געמאַכט אַ "שלעכט געשעפט" מיט באָן און איר סטייעט ניט אויסצוצאָלן אַלע געליטענע — מוזן דערפון ליידן די געליטענע גופא?

און אפשר, חלילה, וויל גאָר די רעגירונג אָפּשפּאָרן פאַר דער מלוכהשער קאַסע אַ ביסל דייטשע מאַרקן אויפן חשבון פון "פאַרקלענערן" די צאָל קרבנות פון די נאַצי־רדיפות, וועלכע דאַרפן באַקומען אַנטשעדיקונג?

די פשוטע שאלות פון שלמה׳ן טאָרן ניט בלייבן אָן אַן ענטפער. דער דאָזיקער נאַצי־קרבן, ווי אַ סך פון זיינס גלייכן, וואַרטן אויף אַ תשובה און אויפקלערונג!

(י״ש ת״א, 31.8.66; ע״ה ת״א, ספטמבר 1966)

# אין 21סטן טאָג פון נצחון

דעם 9 טן מאַי 1945, האָט די וועלט פרייער אָפּגעאָטעמט, נאָך דעם ווי די אָנפירונג פון דער צעקלאַפּטער היטלעריסטישער אַרמיי האָט קאַפּיטולירט. דער צוזאַמענטרעף אויפן טייך עלבע פון רויטאַרמייער און אַמעריקאַנער זעלנער, ווי דאָס אַרויפציען די סאָוויעטישע פאָן אויף דער געביידע פון צעשטערטן רייכסטאַג, האָבן אָנגעזאָגט דער מענטשהייט דעם סוף פון איינער פון די בלוטיקסטע און שרעקלעכסטע מלחמות.

די שטימונגען פון יענע טעג שילדערט **וויליאַם שעירער** אין זיין מאָנומענטאַל ווערק **״אויפשטייג און פאַלן פון דריטן רייך״**:

**״אין דער נאַכט פון 8 טן אויפן 9 טן מאַי, האָבן די האַרמאַטן אויפגעהערט צו שיסן און באָמבעס צו פאַלן אין אייראָפּע. אַ מאָדנע שטילקייט, נאָר אַ געבענטשטע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָנטינענט צום ערשטן מאָל זינט דעם 1טן סעפּטעמבער 1939. אין פאַרלויף פון די 5 יאָר, 8 חדשים און 7 טעג וואָס זענען פאַריבער זינט יענעם טאָג, זענען אומגעקומען מיליאָנען מענער און פרויען אויף הונדערטער שלאַכטפעלדער און אין טויזנט באָמבאַרדירטע שטעט. און נאָך מיליאָנען זענען געטויט געוואָרן אין די נאַצישע גאַז־קאַמערן, אָדער אין די גריבער פון די ״ס.ס. איינזאַצגרופּן״ אין רוסלאַנד און פוילן — אין רעזולטאַט פון דער דייטשער פאַרכאַפּערישער תאווה פון אַדאָלף היטלער. דער רוב אַלטע אייראָפּעישע שטעט האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַרג חורבות און פון די דאָזיקע חורבות, ביים אָנוואַרעמען זיך פון דער לופט, האָט זיך געטראָגן אַ געשטאַנק פון אומצאָליקע מתים, וועלכע זענען נישט געבראַכט געוואָרן צו קבורה...״**

ס׳וועט אויך ניט זיין איבעריק צוצוגעבן, אַז איבער 60 לענדער זענען געווען באַטייליקט אין דעם בלוטיקן פאַרמעסט. 110 מיליאָן יונגע, אַרבעטפעיקע און געזונטע מענטשן האָט מען מאָביליזירט. פון זיי זענען אַ 30 מיליאָן אומגעקומען אויף די פאַרשיידענע פראָנטן. אַ 45־50 מיליאָן פון דער ציווילער באַפעלקערונג זענען געוואָרן פאַרוווּנדעט, פאַרלאָרן, דערהרגעט. און די מאַטעריעלע פאַרלוסטן — 4 מאָל אזוי פיל ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דעם דאָזיקן פּרייז האָט די וועלט באַצאָלט פאַר היטלערס שגעון וועגן ״טויזנט־יאָריקן רייך״, וואָס האָט בסך־הכל אָנגעהאַלטן 12 יאָר, 4 חדשים און 8 טעג...

די בעסטיע איז טאַקע באַזיגט געוואָרן — נאָר פאַר אונדזער פאָלק איז עס געווען אַ נצחון אויף קברים. כלפּי די יידן, האָבן די קאַניבאַלן פון 20טן יאָרהונדערט אָנגעווענדעט אַזאַ ניט קאָנווענציאָנעל געווער, ווי גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, מאַסן־עקזעקוציעס, געטאָס, הונגער,ליידן און פּיין.

אין יענעם טאָג פון נצחון, מיט 21 יאָר צוריק, האָבן מיר אַלע געהאָפט און געטרוימט, אַז די פאַרברעכער וועלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף; אַז נאָכן מערדער און זעלבסטמערדער היטלער — וועלן ניט מער קומען קיין יורשים; אַז אַ נייע דייטשלאַנד וועט אויפשטיין; און אחרון אחרון — אויס מיט מלחמות, מיט פעלקער־האַס און ראַסן־שׂינאה, אויס מיט בלוט־פאַרגיסונגען און פאַרוויסטונג.

געווען אַ פולשטענדיקע באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ אָפּטימיזם. דער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונאַל אין נירנבערג האָט פאַרמשפּט צום טויט און אויסגעפירט דעם אורטייל איבער די היטלעריסטישע קאַרפּן־קעפּ. דייטשלאַנד איז צעטיילט געוואָרן, מיט אַן איינגעשטעלטן אָקופּאַציע־רעזשים און פייערלעכן צוזאָג פון די אַליאַנטן אַדורכפירן די דענאַציפיקאַציע און דעמיליטאַריזאַציע פון דער צעקלאַפּטער טעווטאָנישער מדינה. אייניקע קריג־פאַרברעכער זענען אויסגעליפערט געוואָרן צום משפּט אין די לענדער, וווּ זיי זענען באַגאַנגען רציחות. אַנדערע ווינטן האָבן אַ בלאָז געגעבן אין אייראָפּע.

ס׳האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט — און דאָס רעדל פון דער געשיכטע האָט זיך אַ דריי געגעבן אין אַן אַנדערער ריכטונג. די זיגערס האָבן לגבי די דייטשן אַרויסגעוויזן שוין צופיל מילדקייט, טאָלעראַנץ און פאַרגעבונג, גענוי ווי דאָס האָט געבעטן גענעראַל יאָדל, נאָכן קאַפּיטולאַציע־אַקט:

**״מיט דעם דאָזיקן אונטערשריפט, ווערט דאָס דייטשישע פאָלק און זיינע באַוואָפנטע כוחות איבערגעגעבן אין די הענט פון די זיגערס. אין דער דאָזיקער מלחמה, וועלכע האָט געדויערט העכער פינף יאָר, האָבן זיי ביידע געליטן מער ווי יעדער אַנדער פאָלק אין דער וועלט. מיר האָפן, אַז די זיגערס וועלן זיין ברייטהאַרציק״...**

און גראַף שווערין פאָן קראָסיק, ריבענטראָפּס יורש אין דער דעניץ־רעגירונג, דריקט אויס זיין האָפענונג, אין אַ ראַדיאָ־רעדע, אַז "די אַטמאָספער פון האַס, וואָס רינגלט היינט ארום דייטשלאַנד איבער דער גאַנצער וועלט — וועט נאָכלאָזן..."

דער גענעראַל און דער גראַף האָבן זיך ניט אַנטוישט. די שנאה צו דייטשלאַנד האָט שוין פון לאַנג נאָכגעלאָזט און אַזאַ ברייטהאַרציקייט צו דער מדינה פון אַדענאווער־ערהאַרד האָט מען ניט אַרויסגעוויזן אַפילו צו די קרבנות פון "דריטן רייך".

*

ס'וואָלט געווען אַ היסטאָרישע אומרעכט אַרויפצוואַרפן בלויז אויפן היטלעריסטישן דייטשלאַנד די גאַנצע שולד פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג און אירע טראַגישע פאָלגן. די איבערבעטונגס־פּאָליטיק לגבי היטלערן, די כסדריקע פּרוון מצד די טשעמבערליינס אים נאָכצוגעבן און פון די בעקס אים נאָכקאָפּירן, האָבן דערמעגלעכט דעם ברוינעם דיקטאַטאָר אומגעשטערט צו ברעכן אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, אָנגרייפן שכנותדיקע מדינות און שאַנטאַזשירן א צעטומלטע און צעקריגטע וועלט. אויפן פּאַרמיסטיקטן באָדן פון די הערשנדיקע פּאָליטישע באַציונגען אין אייראָפּע אין די דרייסיקער יאָרן און פון שאָוויניסטיש־רעוואַנזשיסטישע שטימונגען צווישן דייטשן פאָלק, איז מעגלעך געווען אַזאַ ווילדגראָז ווי די נאַציאָנאַלסאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

אָבער אויך נאָכן איבערפאַל אויף פּוילן, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, ביזן פּאַקטישן עפענען דעם צווייטן פראָנט — זענען פאָריבער גאַנצע 5 יאָר. אין דער תקופה האָט דייטשלאַנד באַוויזן יעדן באַזונדער און לויט אַ ריי, אָנצוגרייפן בעלגיע און פראַנקרייך, דענעמאַרק און גריכנלאַנד, יוגאָסלאַוויע און דעם ראַטנפאַרבאַנד. דאָס אַלץ האָט מען געקאָנט אויסמיידן, ווען מ'וואָלט דייטשלאנד איינגעשטילט באַלד נאָך איר אַטאַקע אויף פּוילן. ווי האָבן דערקלערט פעלדמאַרשאַל קייטעל און גענעראַל יאָדעל אויפן נירנבערגער פּראָצעס:

**"ווען דער מערב וואָלט אין האַרבסט 1939 ניט געווען אומטעטיק, ווען היטלער האָט זיין ווערמאַכט געוואָרפן קעגן פּוילן, וואָלטן די דייטשן פאַרשפּילט די מלחמה שוין אין האַרבסט דעם זעלבן יאָר".**

און מען מעג זיי גלייבן אויפן וואָרט... בפרט נאָך, אַז אָן די עדות איז געווען באַוווּסט, אַז דער דייטשער גענעראַל־שטאַב האָט תמיד געליטן פון אַ קאָמפּלעקס, וואָס האָט געהייסן "צוויי־פראָנטן־קריג".

היינט גיט אַ טראַכט, וויפל בלוט־פאַרגיסונג און חורבות וואָלט מען געקאָנט פאַרמיידן, ווען פּאָליטישע מנהיגים זאָלן ניט געווען אַזוי קאַפּיטולירן פאַר היטלערן.

*

איצט, 21 יאָר נאָכן קראַך פון היטלעריזם, דאַרף מען ווידער זיך שטעלן די פראַגע; האָט מען געלערנט עפּעס פון צווייטן וועלט־קריג? איז געזיכערט געוואָרן אַ סטאַבילער שלום אויף דער וועלט און צי וועלן מער ניט אויפשטיין קיין היטלערס אין דייטשלאַנד צי אין אַנדערע לענדער?

ווי ביטער דער אמת זאָל ניט זיין, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז עפּעס־וואָס האָט מען יאָ געלערנט פונעם קריג אין די יאָרן 1939-1945, אָבער קיין סך — ניט!

גענוג כאַפּן אַ בליק אויף דער מאַפּע פון דער וועלט און עטוואָס אויפפרישן דעם זכרון, כדי זיך אַרומזען, אַז פונעם 9טן מאַי 1945 ביזן היינטיקן טאָג, האָבן אין העכער 40 ערטער אויף דער וועלט זיך געפירט 39 מלחמות. אוודאי זענען אַ סך פון זיי געווען אויך נאַציאָנאַל־באַפרייערישע קאַמפן קעגן פרעמדע אונטערדריקער און היימישע רעאַקציאָנערן; אַוודאַי האָבן די אַלע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן געהאַט זייער באַרעכטיקונג און פאַרענטפער, געווען אָבער אויך אַזעלכע מלחמות, וואָס מיט זייער אומרעכט, אַגרעסיוויקייט און ברוטאַלקייט, דערמאָנען זיי דייטשלאַנדס מעטאָדן פון דערקלערן און פירן דעם קריג מיט אַ 20 יאָר צוריק.

מיט איין וואָרט — די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געהאַט און האָט נאָך אויך איצט "יורשים", הגם פון אַ מער לאָקאַלן כאַראַקטער, נאָר זיי הערן ניט אויף דראָען מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אויפרייס, מיט אַ דריטן וועלט־קריג, וואָס נאָר אירע מוראדיקע פאָלגן האַלטן אָפּ אַפילו די פאַרביסנסטע אַגרעסאָרן ניט פאַרגאַלאָפּירן זיך צופיל...

*

אויך די לאַגע אין דייטשלאַנד גופא באַווייזט, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד וויל ניט צופיל טראַכטן וועגן דער ניט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין די צענדליקער טויזנטער דרייען זיך אַרום אויף דער פריי — און אומבאַשטראָפט! — די היטלעריסטישע קריגס־פאַרברעכער. די וואָס ווערן שוין יאָ געשטעלט פאַרן געריכט, איז עס אין רוב פאַלן גיכער אַ חוזק איבער די עלעמענטאַרע געזעצן פון יושר און אַ פאַרשוועכונג פונעם אָנדענק פון די קרבנות. אין איצטיקן דייטשלאַנד קומען לעגאַל פאָר צוזאַמענפאָרן און קאָנגרעסן פון געוועזענע ס.ס.־פאָרמאַציעס און לעצטנס די לוויה פון היטלערס הויפּט־שומר־ראש, ס.ס.־גענעראַל סעפּ דיטריך, איז פאָרגעקומען ווי "אין די אַלטע, גוטע צייטן". אין ערהאַרדס מדינה זענען שטאַרק אַנטוויקלט און ווערן געפלעגט רעוואַנזשיסטישע שטימונגען און טעריטאָריאַלע פּרעטענסיעס כלפּי די שכנים. געוועזענע אָפיצירן פון דער ווערמאַכט שטייען ווידער בראש פון אַ באַנייטער און גוט באַוואָפנטער דייטשער אַרמיי, וועלכע פאָדערט פאַר זיך אויך אַטאָמיש געווער. דער מיליטערישער און עקאָנאָמישער פּאָטענציאַל פון באָן האָט זי געשטעלט ביי דער מזרח־וואַנט פון די סאַמע פאָרגעשריטנסטע אייראָפּעישע מדינות.

און פונקט ווי ס'זענען אין דייטשלאַנד גופא פאַראַן עלעמענטן וועלכע טרוימען וועגן באַנייען דעם "דריטן רייך", אַזוי אויך פעלן נישט אויס אין ענגלאַנד אַ דזשאָרדאַן און מאָסליי, אין די פאַראייניקטע שטאַטן — אַ ראַקוועל און קוקלוקס־קלאַן, איז די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער צי אין אַ דרום־אַפריקע זענען נאָך פאַראַן גענוג ראַסיסטן און אַנדערע פינצטערע כוחות, פאַר וועלכע היטלער איז נאָך אַלץ דער "קלאַסישער מאָדעל" ווי אַזוי זיך פירן מיטן אייגענעם פאָלק און כלפּי אַנדערע פעלקער.

אין 21סטן טאָג פון נצחון, טאָר מען אויך ניט פאַרגעסן אין אונדזער זיג איבער די אַראַבישע אינוואַדאָרן אין יאָר 1948, ביים סאַמע געבורט פון דער יידישער מדינה. און פונקט ווי דייטשע, רעוואַנזשיסטישע כוחות טראַכטן אַלץ ניט משלים צו זיין מיט דער קאַפּיטולאַציע פון 9טן מאַי 1945, אַזוי אויך אייניקע אַראַבישע מנהיגים זענען באַהערשט מיט נקמה־געפילן בנוגע דעם הסכם אין ראָדאָס, וועלכער האָט דעם וואָפנשטילשטאַנד באַדאַרפט פאַרוואַנדלען אין אַ סטאַבילן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים. סאַרא פאָרשריט מדינת ישראל און די אַראַבישע לענדער האָבן געמאַכט פאַר דער צייט — נאָר אויפן שלום־פראָנט, האָט זיך כמעט ווי גאָרניט געענדערט. די גרענעצן זענען אַן אָפּטע אָרענע פאַר צוזאַמענשטויסן, ווייל די אַראַבישע אַגרעסיע מוז בעל־כורחו אַרויסרופן יידישע רעוואַנזש־אַקציעס און די קייט פון קעגנזייטיקע רעאַגירונגען הערט ניט אויף.

אין די אויגן פון אַ ישראל־בירגער, איז ניטאָ אַזאַ ווייטער מהלך צווישן היטלערס כסדרדיקע מלחמה־דערקלערונגען דעם גאַנצן יידישן פאָלק און אַבדול נאַצערס דראָונגען צו פירן אַ קריג מיט ישראל, ווי נאָר די אַראַבישע לענדער וועלן זיין דערצו גענוג שטאַרק און גרייט. כלפּי דעם שווער־געפּרוּווטן יידישן פאָלק, מיט זיינע היסטאָרישע דערפאַרונגען, דאַרפן אַגרעסיווע רייד פון אַמביציעזע און דיקטאַטאָרישע פירערס, זיין אַ וואָרענונג און אַ... לערע. די פראַגע איז נאָר, צי אויך די פּאָליטישע מנהיגים פון דער וועלט, פון מזרח און פון מערב, זענען דורכגענומען מיט דעם זעלבן באַוווסטזיין ווי מיר. דער לעצטער "עולה־רגל" קיין קאַיר פון אַ מאַרשאַל טיטאָ און פּרעמיער קאָסיגין, גיט נישט בלויז צו אינטערנאַציאָנאַלן פּרעסטיזש דעם דיקטאַטאָר אויפן נילוס, נאָר שטאַרקט אים אויך אין זיינע פּלענער בנוגע ישראל.

אויך כלפּי דעם נאָענטן מזרח, באַזונדערס וואָס שייך די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען, האָט די וועלט ניט קיין סך געלערנט פונעם צווייטן וועלט־קריג. דאַרף מען דאָס אויך דערמאָנען היינט, אין 21־טן טאָג פון נצחון.

(י"ש ת"א, 18.5.66)

# אויף זיי האָבן פאַרגעסן?!

מוצאי שבת ערב כ״ז ניסן — דער טאָג פון אומקום און גבורה. טויזנטער שטראָמען אינעם גרויסן, רעפּרעזענטאַטיוון ״היכל התרבות״ אין תל־אביב, כדי זיך באַהעפטן מיטן אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים, אויף דער אָנדענק־אַקאַדעמיע אין יידיש. עס קומען די שארית־הפליטה פון ״יענער פלאַנעטע״, טוריסטן, און יידן פשוטע, וועלכע קענען ניט און ווילן ניט אָפּטרייסלען פון זיך דעם באַלאַסט פון די פינצטערע יאָרן. פאַר זיי איז נאָך ווינציק די אייגענע איבערלעבונגען אין דער אָקופּירטער אייראָפּע, די קאָשמאַר־חלומות אין די נעכט און די אוישוויץ־האַלוצינאַציעס אַפילו אין זוניקע טעג. אין יאָרטאָג פון 19טן אַפּריל, ווען אין וואַרשעווער געטאָ איז אויפגעהויבן געוואָרן די פאָן פון מרידה קעגן דער דייטשער בעסטיע, וויל דאָס פאָלק אין ישראל ווידער ברענגען צום אויסדרוק זיין פאַרערונג און אָנערקענונג די העלדישע קעמפּפערס און אָפּגעבן כבוד די קדושים.

דער אָוונט אין יידיש איז צוגעגרייט געוואָרן דורך אַזעלכע וויכטיקע און ערנסטע אינסטאַנצן און געזעלשאַפטן, ווי די אָפּטיילונג פאַר קולטור, יוגנט און ספּאָרט פון תל־אביבער שטאָטראַט, תל־אביבער אַרבעטער־ראַט, יד ושם, פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, פאַרבאַנד פון געוועזענע קאַצעטלער, געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ, פאַרלאַג און ביבליאָטעק א.נ.י.ל. פּרץ, ביבליאָטעק א.נ. פון פראַנץ קורסקי. אַרויסגעטראָטן זענען בלויז פיר רעדנער. קיין איינער פון זיי האָט זיך ניט געניייטיקט אין לערע ווי אַזוי און וואָסריידן אויף דער אַקאַדעמיע. מען מעג זיך פאַרלאָזן אויף ד״ר ב. פרימער, אויפן רעדאַקטאָר מ. צאַנין, אויפן פראָנט־קעמפּפער ח. פאַבער און קאַצעטלער פּסחקע בורשטיין. אויף אַזאַ אָוונט האָבן זיי יאָ וואָס צו דערציילן, אַפילו עלעקטריזירן דעם עולם, אַרויסרופן ביי אים טרערן און טיפע זיפצן, האַלטן אין יראת־הכבודיקער שטילקייט און שפּאַנונג איבער דריי טויזנט יידן.

העכער אַ שעה האָבן געדויערט בלויז די רעדעס — און צו דער גרעסטער שטוינונג, האָבן מיינע אויערן קיין איין מאָל ניט אויפגעכאַפּט דעם נאָמען מרדכי אַניעלעוויטש. איין רעדנער האָט יאָ דערמאָנט, אגב אורחה, ווי עפּעס אַ זייטיקע באַמערקונג, דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע. בלויז 5 ווערטער — ניט מער! און גערעדט האָט מען דאָרט, ווי געזאָגט, מיט אַ סך פּאַטאָס און טרויער, מיט טיפן ווייטיק און צער. אָבער שוין זשע מעג מען אויף אַ געטאָ־מיטינג פאַרבונדן דירעקט מיט דער דאַטע פון 19טן אַפּריל (אַפילו ווען זי איז אין דער יידישער מדינה פאַרביטן געוואָרן אויף כ״ז ניסן), פאַרזען, צי פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם איינציקן פון דעם מין אויסדרוק פון יידישן, אָרגאַניזירטן, באַוווסטזיניקן ווידערשטאַנד דעם נאַצישן שונא? מעג מען אַרויסלאָזן פון זכרון אַזעלכע געשטאַלטן, ווי דער 24־אָריקער קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד, מרדכי אַניעלעוויטש פון השומר הצעיר, זיין פאַרטרעטער יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) פון ״החלוץ״, הערש בערלינסקי פון לינקע פועלי־ציון, אברהם שניידמיל (שפּעטער — מאַרק עדעלמאַן) פון ״בונד״, יוחנן מאָרגענשטערן פון פועלי־ציון (צ. ס.) און מיכאל ראָזענפעלד — פון די קאָמוניסטן?

זענען דאָך די אַלע געווען דער שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (זש. אָ. ב.) אין געטאָ — און גראָד אויף דעם אָוונט אין ״היכל התרבות״ — זענען זיי אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן...

די זעלבע רעדנער האָבן מיט רעכט געסטעמפּלט די פאַרגעסונג־פּאָליטיק פון אַנדערע פעלקער און באַזונדערס דעם פאַקט, וואָס דער יידישער חורבן ביי דער לעצטנס דורכגעפירטער אַנטהילונג פון אוישוויץ־דענקמאָל, איז אין גאַנצן ניט דערמאָנט געוואָרן. פרעגט זיך: און אויף אַ צענטראַלער געטאָ־אַקאַדעמיע אין תל־אביב, מעג מען פאַרשווייגן דעם העלדישן אויפשטאַנד אין פוילנס הויפּט־שטאָט מיט 24 יאָר צוריק און לגמרי אויסמעקן די נעמען פון די, וועלכע האָבן איניציאירט און אויסגעטראָגן די אומגלייכע און פון פאָראויס פאַרשפּילטע שלאַכט?

אויב וועלן מלמד־זכות זיין פאַר אַזאַ פּאַרזען, איז בלויז דאָס וואָס דריי האָבן גערעדט ניט פון פּאַפּיר. אָבער ווי קאָן פון קאָפּ "אַרויספליען" אַזאַ געשעעניש ווי דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און זיינע טרעגער און העלדן? איז עס דאָך געווען אַ גדענק־אָוונט, אויף וועלכן דער זכרון, אַפילו אָן פּאַפּיר, דאַרף גוט דינען. **וואָרים, אַ גדענק־אָוונט מיט אַזעלכע פּאַרגעסענע געשעענישן און מענטשן, פאַרלירט אַ סך פון זיין וואָג, חשיבות און באַדייטונג.**

(י"ש ת"א, 10.5.67)

# ארויסהייבן די גבורה

א פערטל יאָרהונדערט נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט באַדאַרפט פּאָריבער, ביז אַזאַ נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע ווי "יד ושם", באַזאַמען מיט די אוניווערסיטעטן אין ירושלים, תל־אביב און רמת־גן ("בר־אילן"), ווי אויך דער קיבוץ לוחמי הגיטאות און "מורשת", זאָלן פאַרופן אַ ספּעציעלן סימפּאָזיום פון יידישע און ניט־יידישע פאָרשערס, היסטאָריקער און געטאָ־קעמפערס, כדי אַלזייטיק אַרומריידן דאָס פּראָבלעם פון יידישן ווידערשטאַנד. צום ערשטן מאָל איז אויף אַן אויטאָריטעטן, וויסנשאַפטלעכן צוזאַמענפאָר אַלזייטיק באַהאַנדלט געוואָרן דער ענין פון יידישער גבורה, וואָס איז בדרך כלל פאַרבלאַסט און פאַרשוויגן געוואָרן, אין אָנבליק פון דער גרויסער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק. אַנטקעגן דעם לייטמאָטיוו פון עקידה, קדושה און מאַרטיראָלאָגיע פון די זעקס מיליאָן, וועלכע האָבן כלומרשט זיך געלאָזט פירן ווי שאָף צו דער שחיטה — ווערן איצט געמאַכט ערנסטע פּרוּוון אַרויסצוהייבן דעם מאָמענט פון יידישן ווידערשטאַנד און רעוואָלט קעגן די היטלעריסטישע בעסטיעס.

די הונדערטער ביכער פון יענער תקופה, אָנגעשריבן פון פּשוטע מענטשן, אַליין קרבנות פון דער נאַצישער מאָרד־פּאָליטיק, צי פון שרייבער מיט אַ נאָמען און אָנזען, אָדער די זכרונות אין די יזכור־ביכער — האָבן בדרך־כלל דערציילט וועגן טייכן בלוט, ימען טרערן, ליידן און פּיין. דאָ און דאָרט האָט מען געשילדערט באַזונדערע פאַלן פון מרידה און אַקטיוון ווידערשטאַנד אין די געטאָס, טויט־לאַגערן, אַרבעט־פּלעצער. זיי זענען אָבער דערטרונקען געוואָרן אין די אויפשוידערנדיקע און טראַגישע בילדער פון דייטשער אכזריותדיקייט און יידישער קאַפּיטולאַציע, פון ראַפינירטע מאַסן־רציחות — אַנטקעגן דעם יידישן משלים זיין מיטן ביטערן גורל.

אַפילו בולטע פאַלן פון יידישן ווידערשטאַנד אין די געטאָס און אין דער אַלגעמיינער רעזיסטאַנס־באַוועגונג פון אַנדערע פעלקער און אויף די פראָנטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען ניט ווי געהעריק באַלויכטן געוואָרן פון פרעמדע און אייגענע. די יידיש־דייטשע היסטאָריקערין און דענקערין חנה ארענדט, האָט אין איר בוך "אייכמאַן אין ירושלים", דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1963, פאָרגעשטעלט דעם יידישן ווידערשטאַנד "נעבעכדיק קליין, אומבאַשרייבלעך שוואַך און אין תוך אומשעדלעך..."

כדי דערגיין צו אַזעלכע פאַרלייקנדיקע און באַליידיקנדיקע מסקנות, דאַרף מען זיין דערוווייטערט פון יידישן פאָלק, ווי ס'איז די פרוי ארענדט, וועלכע איז אַליין געזעסן אין ניו־יאָרק, ווען אין אייראָפּע האָבן דייטשן געמאָרדעט יידן, ביי דער מיטהילף פון די פּאָליאַקן, אוקראַינער, ליטווינער און לעטן.

איצט, 25 יאָר נאָכן אויפשטאַנד אין געטאָ וואַרשע, וואָס איז געווען די קרוינונג פון יידישן, אָרגאַניזירטן, אַנטי־דייטשישן רעוואָלט, זענען צוגעקומען נייע דערציילונגען, דאָקומענטן און באַווייזן, אַז יידן האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים און אייגנאַרטיקע מיטלען יאָ זיך קעגנגעשטעלט, יאָ מלחמה־געהאַלטן מיטן רוצח.

כדי אָבער פאַרשטיין, הלמאי דער ווידערשטאַנד איז נישט געווען אַזאַ עפעקטיווער און נישט אָנגענומען קיין מאַסן־כאַראַקטער, מוז מען זיך אומקערן צו יענער פינצטערער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָר פאַר אַלעמען — אַ מעשה שהיה אין דער ערשטער וועלט־מלחמה:

אין אַ קליין שטעטל אין מערב־פּוילן, ווען קייזער ווילהעלמס אַרמיי איז דאָרט אַריין אין יאָר 1918, האָט אַ גרופּע יידישע יוגנטלעכע געבעטן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ ביבליאָטעק. דער דייטשער רעפערענט איז מסכים געווען מיטן באַדינג, אַז ער זאָל פריער דורכקוקן די רשימה פון די ביכער. איין ספר האָט ער געפסלט — שלום עליכמס ״דער בלוטיקער שפּאַס״, מיטן מאָטיוו, אַז ״די יוגנט טאָר מען ניט לאָזן שפּאַסן מיט בלוט...״ דער עלטערער דור יידן אין פּוילן האָט געדענקט די דייטשן פון די יאָרן 1914־1918 אין בשום אופן ניט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז במשך אַ קנאַפּן דור, זאָל דאָס זעלבע פאָלק זיין פעיק צו אַזעלכע שחיטות און רציחות. אמת, זיי האָבן אַ סך זיך אָנגעהערט און אָנגעלייענט וועגן דער ברוינער פּעסט, זייער זאָאָלאָגישער יידן־שנאה און אָפּגעטונע גרוילטאַטן ביי זיך אין לאַנד. אָבער ווער עמען האָט געקענט איינפאַלן, אַז דאָס פאָלק פון גטעטע, שילער, מאַרקס און ליבקנעכט, וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פאָלק פון מיידאַנעק און אוישוויץ, טרעבלינקע און סאָביבור? אַז אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע, אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, וועלן פּאָליטיקער, גענעראַלן, וויסנשאַפטלער, דאָקטוירים און געלערנטע, צוטראַכטן, פאַרפּלאַנירן און דורכפירן אַ מאַסן־מאָרד איבער אַ גאַנץ פאָלק? אַז דייטשן וועלן מיט אַזאַ בייזער הנאה צעקלאַפּן קינדערישע קעפּלעך אָן דער וואַנט, אָדער הייסן אַ יידישער מאַמען טאַנצן אויפן פרישן קבר פון איר דערשאָסענעם זון?

די דאָזיקע ספיקות בנוגע דער פעיקייט פון אַ ציוויליזירט פאָלק אין אייראָפּע, צו דערקייקלען זיך צו דער מדריגה פון געוויסנלאָזע גאַנגסטערס, זענען גענוג געווען צו גלייבן זייערע פּאַרפירערישע און ליגנערישע צוזאָגן וועגן כלומרשטן בלויזן ווילן צו איזאָלירן די יידישע באַפעלקערונג, אָדער איבערשיקן זיי פון די געטאָס אויף מזרח, אויף אַרבעט. אמת, מען האָט נאָך פאַרן אויסברוך פון קריג געהערט וועגן אָראַניענבורג און דאַכאַו, אָבער ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז זיי וועלן אַנטוויקלען אַזאַ טעכניק פון קרעמאַטאָריעס, גאַז־קאַמערס, מאַסן־דערשיסונגען ביי אָפענע קברים, וועלכע די קרבנות האָבן נאָך געמוזט אַליין זיך אויסגראָבן?!

אויף אַזוי פיל — דער אומגלויבן אין דער דעגענעראַציע פון אַ גאַנץ פאָלק. צו דעם קומט נאָך צו דער מאָמענט פון יידישער צוגעבונדנקייט צו דער משפחה, דער אומווילן מפקיר צו זיין טאַטע־מאַמע, צי שוועסטער, ברידער, אַ פרוי מיט קינדער, אין די שווידערלעכע באַדינגונגען פון געטאָ — און אַליין זיך ראַטעווען מיט אַנטלויפן אין וואַלד, צי אויף דער אַרישער זייט. בפרט, אַז נאָך הינטער די געטאָ־מויערן האָבן די, וועלכע האָבן זיך געריסן צום קאַמף, געוווּסט, אַז אין דעם פיינטלעכן פּוילישן אַרום, איז געפערלעך און ריזיקאַליש צו זוכן שוץ ביי די שכנים, פונקט ווי אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּן וועט מען אַזאַ איינעם ניט אָננעמען אָן געווער און אַז געוויסע רוסישע צי פּוילישע פּאַרטיזאַנער מאָרדן יידן מיט דער זעלבער קאַלטבלוטיקייט און געוויסנלאָזיקייט ווי די דייטשן.

פון דעסטוועגן זענען אין געטאָ גופא און אויסער אים, געווען פאַרשיידענע פאָרמען פון גבורה. אויסקלייבן זיך פרייוויליק דעם טויט, ווען מען קען זיך ראַטעווען, ווייל אַזוי דיקטירט דאָס געוויסן — איז אומבאַדינגט איינער פון די גרעסטע העלדישקייטן. אַזוי האָט געטאָן דער פּעדאַגאָג, שרייבער און דירעקטאָר פון יתומים־הויז אין וואַרשע, יאַנוש קאָרטשאַק, וועלכער איז באַזאַמען מיט זיינע קינדער אַוועק אויף אומקום, הגם ער האָט פּאָרלויפיק געקענט זיך ראַטעווען; אַזוי האָט געהאַנדלט הרב זעמבא פון פּראַגע, נאָך דעם ווי די ביסקופּישע קוריע אין וואַרשע האָט אים פאָרגעלייגט ביי זיך אַזיל; אַזוי איז געגאַנגען אויף קידוש השם דער פאָרזיצער פון יודנראַט אין אַ קליין שטעטל רוביזשעוויטש, ווען דער אָרטיקער גלח האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן. און אוודאי און אוודאי איז עס געווען אַן אַקט פון גבורה דער זעלבסטמאָרד פון אַרטור זיגעלבוים אין

לאָנדאָן, כדי אויפטרייסלען "דאָס געוויסן פון דער וועלט" צוליב די רציחות אין פּוילן. פּונקט ווי מיר דאַרפן בייגן דעם קאָפּ פאַרן אָנדענק פון אינזשיניער טשערניאַקאָוו, פּרעזעס פון וואַרשעווער יודענראַט, פאַר דער קויל וואָס ער האָט זיך אַריינגעשאָסן, נאָכן טופס זיין דעם זין פון דייטשע קאָנטיגענטן פאַרן אומשלאַגפּלאַץ.

די דייטשע פּערפידיע צו פאַרמאַסקירן זייערע פינצטערע אויסראָטונג־פּלענער איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין די יאָרן 1941־1942, האָבן זיי פאַרטיילט קאַרטלען די פאַרשיקטע אין די טויט־לאַגערן יידן, זיי זאָלן שרייבן צו זייערע משפּחות "אַז מען פילט זיך גוט און מ'איז ענדלעך אָנגעקומען אױפן באַשטימטן אָרט". אויפן אַריינגאַנג־טויער פונעם גרעסטן שעכטהויז פאַר מענטשן, אין אוישוויץ, האָבן זיי אָנגעקלאַפּט אַן אויפשריפט "אַרבעט מאַכט פריי". און די אומגליקלעכע קרבנות פון אייכמאַנס טראַנספּאָרטן האָבן תמימותדיק געגלייבט, אַז דאָ וועלן זיי נאָר אַרבעטן און מן־הסתמא אויך דערלעבן די באַפרייונג...

מיט אַזעלכע־אָ מעטאָדן איז געלונגען די נאַציס אָפּצוטעמפּן די וואַכזאַמקייט און אַוועקרויבן דעם ווילן פון ווידערשטאַנד ביי די יידן אין די געטאָס, ווו עס זענען ניט געווען די מינימאַלסטע באַדינגונגען איינצושטעלן אַן אונטערערדישע באַוועגונג. דאָך איז אין אַ סך געטאָס געפירט געוואָרן אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטור־דערציערישע אַרבעט, הילפס־טעטיקייט און קאָנספּיראַטיווע קרייזלעך האָבן באַהאַנדלט פראַגן פון אויסדויער און ווידערשטאַנד.

*

די לייכטע און שנעלע נצחונות פון דער דייטשער אַרמיי, זייער ברוטאַלקייט און סאַדיזם ביים איינשטעלן דעם אָקופּאַציע־רעזשים, האָבן דאָך אָנגעוואָרפן אַן אימה ניט נאָר אויף יידן, כלפּי וועמען די ברוינע באַנדיטן זענען זיך באַגאַנגען מיט אַ באַזונדערער אכזריותדיקייט, נאָר אויך מאָראַליש אַנטוואָפנט מיליאָנען פראַנצויזן, פּאָליאַקן, בעלגער, רוסן און גריכן. נאָר אויב אין די אָקופּירטע לענדער איז ערגעץ־ווו יאָ געשאַפן געוואָרן אַ ווידערשטאַנד, האָבן דאָרט יידן תמיד גענומען אַן אָנטייל, אָדער אויפגעשטעלט אייגענע פּונקטן פון מרידה.

שוין אין אַפּריל 1940, האָבן יידישע יוגנטלעכע אין וואַרשע געשאַפן אַ זעלבסטשוץ קעגן פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע האָבן געוואָלט אויסנוצן די דייטשע הערשאַפט אין שטאָט. אין יוני 1941 און אין יאַנואר 1942 ווערן אויפגעשטעלט חלוצישע קאַמפס־גרופּן. אין דער זעלבער צייט ווערט דורך דער ציוניסטישער יוגנט אין ווילנע געוואָרפן די לאָזונג: "ניט גיין קיין פּאָנאַר"! אין יענער תקופה ווערט אין ירושלים דליטא געשאַפן די פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. אין פעברואַר 1942 ווערט דורך די פּאַרטיזאַנער אין קאָוונער געטאָ אויסגעפירט דער ערשטער סאַבאָטאַזש־אַקט — און די גרויסע טאַרטאַקן אין שטאָט זענען אַוועק מיטן רויך. אין מערץ דעם זעלבן יאָר אָרגאַניזירן זיך די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן אין מינסקער געטאָ. סוף אַפּריל 1942 אַנטשטייט אין וואַרשע דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק, וואָס זאָגט אָן די קאָנסאָלידאַציע פון אַלע אונטערערדישע כוחות. דעם 21טן יולי 1942 האָבן די יידן אין קלעצק אונטערגעצונדן זייערע הייזער און זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ; מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען מיט מעסערס און שטעקנס זיך קעגנגעשטעלט אין ניעסוויעזשער געטאָ. דעם 28טן יולי 1942 ווערט אין געטאָ וואַרשע געשאַפן די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזיאַציע (זש.אָ.ב.) און אין די חדשים אויגוסט־דעצעמבער 1942 אַנטשטייט אין זשעטל אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון הירש קאַפּלינסקי; אַן איבערפאַל פון ד"ר אַטלאַס פּאַרטיזאַנער אויפן שטעטל דערעטשין; אַקטיווער ווידערשטאַנד אין געטאָ לאַכווע; באַוואָפנטע פאַרטיידיקונג אין קרעמעניצער געטאָ; נקמה־אַקט פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע.

דעם 18טן יאַנואַר 1943 ברעכט אויס דער ערשטער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. פון 5טן ביזן 12טן פעברואַר 1943 דערפילן די דייטשן די ערשטע באַוואָפנטע פאַרטיידיקונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ. אין מערץ 1943 ווערט אין ווילנער געטאָ געשאַפן אַ קאַמפס־גרופּע און אין געטאָ קאָוונע — דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־שטאַב. פון 19טן אַפּריל ביזן 16טן מאַי קומט

פאַר דער גרויסער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דעם 17טן מאַי — באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס פון יידישע קעמפערס אין געטאָ בראָדי מיט דייטשיש מיליטער און פּאָליציי. דעם 20טן אַפּריל פאַרלאָזט דאָס ווילנער געטאָ די ערשטע פּאַרטיזאַנער־גרופּע און קומט אָן אין וואַלד. דעם זעלבן טאָג פירט זיך אַ פאַרביטערטע שלאַכט אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ אין וואַרשע צווישן יידישע קעמפערס און די דייטשן. דעם 8טן מאַי ווערט אַנטדעקט דער צענטראַלער בונקער פון דער זש.אָ.ב. אין וואַרשע און מרדכי אַניעלעוויטש באַגייט זעלבסטמאָרד, כדי ניט אַריינצופאַלן אין דייטשע הענט. אין יוני 1934 — באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אין געטאָ טשענסטאָכאָוו. דעם 16טן יולי גיט זיך איבער איציק וויטענבערג, קאָמענדאַנט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ, דער געסטאַפּאָ, כדי פאַרמיידן אַ בלוט־פאַרגיסונג איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אין אויגוסט ווערן די בונקערס אין בענדין פאַרטיידיקט דורך באַוואָפנטע יידישע יוגנטלעכע. סוף נאָוועמבער 1943 געלינגט אַ גרופּע קעמפערס פון קאָוונער געטאָ זיך דורכרייסן אין די רודניקער וועלדער. און מיט 2 חדשים שפּעטער ווערט אין קאָוונע דורכגעפירט אַן איבערפאַל אויף אַן אַמוניציע־סקלאַד, אַנטקעגן דער געסטאַפּאָ־געביידע. דעם גאַנצן חודש אויגוסט באַטייליקן זיך די רעשטלעך פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפערס אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע.

אַז מיר ווען נאָך צו דעם צוגעבן די אויפטוען פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין די נאַראָטשער, רודניקער, ווישקאָווער וועלדער, אין דער נאַליבאָקער פּושטשע, די אויפשטאַנדן אין טרעבלינקע, סאָביבור און אוישוויץ; דעם אָנטייל פון די יידן אין דער רעזיסטאַנס אין פראַנקרייך, בעלגיע, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע און פּוילן — דאַרף דאָס אַלץ אָפּוואַשן דעם פלעק פון כלומרשטער פּאַסיוויקייט און רעזיגנאַציע.

די דאָזיקע רשימה פון אַקטיוון, אַנטי־נאַצישן ווידערשטאַנד, קען זיך ציען לאַנג־לאַנג און באַווייזן, ווי ווייט אחינו בני ישראל האָבן זיך אַנגאַזשירט אין דעם אומגלייכן און לגמרי אויסזיכטלאָזן פאַרמעסט מיט אַן אכזריותדיקן, מעכטיקן און ראַפינירטן שונא און ס'איז באמת א שאָד, וואָס די דאָזיקע מאָמענטן פון גבורה, ווערן ניט ווי געהעריק דערמאָנט און אונטערגעשטראָכן.

און נאָך עפּעס:

אויב מיר האָבן אין די ערשטע טעג פון יוני 1967 באַוויזן צו צעקלאַפּן דעם שונא אויף די שלאַכטפעלדער אין סיני, אין ירושלים, יהודה, שומרון און רמת הגולן — איז אין דעם אָן שום ספק געווען אַ טיפער אָפּקלאַנג פון דער גבורה פון די געטאָ־קעמפערס און גלייכצייטיק אַן אויסדרוק פונעם שטאָלענעם ווילן פון אַ פאָלק אין אייגענעם לאַנד, ניט לאָזן מער איבערחזרן יענעם נאַציאָנאַלן קאַטאַקליזם מיט 25 יאָר צוריק.

(י"ש ת"א, 16.4.68)

# א דייטש אין ישראל

באגעגנט האָב איך אים, שוין דאָס צווייטע מאָל, אויף אַ חתונה אין תל־אביב. אַ יונגער דייטש, וואָס בימי היטלער ימח שמו, וואָלט זיין בילד זיכער באַצירט די שערבלעטער פון אַ סך זשורנאַלן, ווי אַביישפּיל פון דער נאַצישער ראַסן־טעאָריע: בלאָנדע האָר, בלאָע אויגן, אַ סימפּאַטישער פּראָפיל — דער אמתער פאָרשטייער פון דער נאָרדישער, צי גערמאַנישער ראַסע. שוין דאָס דריטע יאָר ווי ער געפינט זיך אין מדינת ישראל אַלס פאַרטרעטער פון זיין פירמע אין האַמבורג, וועלכע דאַרף זאָרגן פאַר גוט פונקציאָנירנדיקע מאַטאָרן פון דייטשער פּראָדוקציע אין יידישן לאַנד...

דאָס איז זיין באַשעפטיקונג. מיך אָבער האָט באשעפטיקט די פראַגע: וואָס האָט באַוויגן דעם דאָזיקן יונגן דייטש צו קומען אַהער? איך פאַרבעט אים צום בופעט, גיס אָן אַ גלעזל, מיר טרינקען "לחיים" — און כ׳לייג אים פאָר אַן אָפנהאַרציק געשפּרעך מיט אַ ייד, וועלכער האָט פאַרלוירן זיין משפחה אין פוילן אין יאָר 1942, ווען די דייטשן האָבן דאָרט געוועלטיקט. "דו געדענקסט אַוודאַי — זאָג איך אים, — אַז מיר האָבן מיט צוויי וואָכן צוריק זיך באַקענט אויף אַ פריוואַטן צוזאַמענטרעף. מיר זענען זיך שוין ניט פרעמד. איך האָב דיך וואָס צו פרעגן, נאָר ענטפער מיט דער פולער אויפריכטיקייט, אַפילו ווען כ׳וועל פאַרעפנטלעכן אונדזער געשפּרעך אין צייטונג. דיין נאָמען, ווי אויך דיין פירמע — וועל איך ניט דערמאָנען".

ער: — ביסט דער ערשטער, וואָס ווענדעט זיך צו מיר וועגן דעם וואָס הייסט אין צייטונגס־לשון אינטערוויו. פאַר דעם האָב איך יאָ מורא.

איך: — מוזט ניט אויף אַלץ ענטפערן, נאָר דאָס וואָס וועסט זאָגן — זאָל זיין קלאָר און ערלעך. דריי איבער נאָך אַ גלעזל. דאָס איז אַ סגולה, אַז די צונג זאָל זיך אויפבינדן. איך וויל טאַקע, אַז זאָלסט ריידן לויטן פאָלקס־ווערטל: וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. איבעריקנס, איך וועל ניט פרעגן קיין סך. דערצייל אַליין: וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער, ווי פילסטו זיך דאָ, האָסטו אַ פאַמיליע, וואָס איז דיין מיינונג וועגן פּראָבלעם דייטשלאַנד, ישראל, יידיש פאָלק?

ער: — וואַרט, וואַרט, צו פיל פראַגן אויף איין מאָל. נאָר כ׳וועל זיך באַמיען ענטפערן: — געקומען בין איך קיין ישראל מיט קאַרגע 3 יאָר צוריק. ניט ווי קיין עולה־רגל און ניט ווי איינער, וואָס האַלט פאַר זיין נאַציאָנאַלן, מענטשלעכן, צי היסטאָרישן חוב זיך ריינצווואַשן פון די היטלער־חטאים. אויסערלעך, איז מיין זיין אין ישראל אַ געוויינלעכע ביזנעס. איך אַרבעט אַלס טעכניקער אין אַ דייטשער מאָטאָרן־פירמע, וועלכע האָט איר פאַרטרעטערשאַפט אין ישראל. אַנומלט האָט דער דירעקטאָר צונויפגערופן אַלע אונדזערע טעכניקער און געפרעגט, ווער עס וויל פאָרן קיין אויסלאַנד — בראַזיל, בעלגיע, צענטראַל־אַפריקע און ישראל. יעדער איז פריי זיך אויסצוקלויבן אַ לאַנד. איך האָב דער ערשטער זיך פאָרגעלייגט צו פאַרטרעטן אונדזער פירמע אין ישראל. "דאָרט זענען בלויז יידן" — האָט מיר ווער אַ פליסטער געטאָן אין אויער. "טאַקע דערפאַר" — האָב איך אָפּגעענטפערט אויף דער גיפטיקער באַמערקונג.

— דאָ קום איך צו צו דעם פונקט וואָס אינטערעסירט דיך: פאַר וואָס בין איך געקומען קיין ישראל? טאָ הער אַ געשיכטע: ביי מיינע 33 יאָר, וואָס מיינט, אַז ביים סוף פון קריג בין איך נאָך געווען אַ קינד, האָב איך אַ סך, אַ סך זיך אָנגעהערט וועגן די דייטשע פאַרברעכנס לגבי יידן; געהאַט אַן אַנונג וועגן אוישוויץ און מיידאַנעק, געלייענט וועגן דער "קרישטאָל־נאַכט" און אונטערגעצונדענעם רייכסטאַג. אָבער אין דער פאָלקסשול, גימנאַזיע, ווי אין דער טעכנישער שול, איז מיר ניט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט יידן. דערפאַר האָב איך ניט איין מאָל געפרעגט זיך און אַנדערע: ווו געפינען זיך די דאָזיקע מיסטעריעזע געשטאַלטן, די "יודען"?! מיין אינטערעס איז נאָך מער געוואָקסן, ווען כ׳האָב איבערגעלייענט עטלעכע ביכער וועגן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע און דורכגעקוקט צוויי אַלבומען מיט אויטענטישע בילדער וועגן דייטשע רדיפות און רציחות איבער יידן אין פוילן. דעמאָלט איז מיין יוגנטלעכער נייגיר נאָך מער געוואָקסן — און כ׳האָב אָנגעהויבן אויף אַ רעכטן אמת זיי צו "זוכן"...

— דו ווייסט ווו כ׳האָב זיי געפונען? ווי אייגנטימער פון נאַכט־לאָקאַלן אין האַמבורג און אין בערלין; ווי גרויסע אונטערנעמער און קליינע סוחרים אין עטלעכע דייטשע שטעט; בעלי־הבתים פון באַרן, רעסטאָראַנען, קאַפע־הייזער. און געניי ווי דו פרעגסט מיך, וואָס איך טו אין ישראל, אַזוי האָב איך מיט 4, 5, 6 און 10 יאָר צוריק געפרעגט יעדן אָנגעטראָפענעם ייד אין דייטשלאַנד: פון וואַנען קומט ער, ווי לאַנג איז מען דאָ, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער?

— ווי אַן אַבסאָלוטער אַנאַלפאַבעט אין דער יידן־פראַגע און אפילו בנוגע דעם אויסערלעכן אויסזען פון אייער פאָלק, וועגן וועלכן כ׳האָב זיך אַזוי פיל אָנגעהערט און אָנגעלייענט, מערער שלעכטס ווי גוטס, אַפילו אין דייטשלאַנד פון אַדענאַוערן און ערהאַרדן, איז פאַר מיר געווען אַן

איבעראַשונג און שטוינונג, אַז בעצם זענען די דאָזיקע יידן מיט גאָרניט אַנדערש פון די דייטשן. די זעלבע מענטשן מיט זייערע שוואַכקייטן און כאַראַקטער־שטריכן, פּאָזיטיווע ווי נעגאַטיווע. דאָך האָב איך ניט געקענט באַגרייפן זייער זעלבסטצופרידנקייט און זיכערקייט מיטן געפינען זיך אויף דייטשער ערד, בפרט פון יענע, וואָס כ׳האָב געוווּסט, אַז אויף די הענט האָבן זיי אויסטאַטוירטע נומערן פון אוישוויצער לאַגער... ווי קומט עס, אַז די וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין אַזעלכע נגישות פון דייטשן, זאָלן נאָכן קריג פאַרבינדן זייער גורל, צוקונפט, פאַמיליע־לעבן, קינדער־דערציִונג — דווקא מיט דייטשלאַנד?

— גלייב מיר, אַז די דאָזיקע פראַגע האָב איך גאַנץ דרייסט און אָפן געשטעלט אַ סך פון מיינע יידישע מיטשמועסרס אין האַמבורג, צי אין בערלין. ניט ווי א בעל־תשובה, צי דער וואָס אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק, אָדער, חלילה, ווי אַ מאָראַל־פּרעדיקער. כ׳האָב פּשוט געוואָלט וויסן דעם ענטפער פאַר זיך אַליין — אָבער קיינמאָל אים ניט באַקומען. נאָר זייער שווייגן האָט אָנגעהויבן ביי מיר שרייען, זייערע היפּאָקריטישע, צי אַרויסדרייערישע תשובות — האָבן מיך שיעור ניט פאַרוואַנדלט אין אַן... אַנטיסעמיט, פאַרשטייט זיך, אַז נאָר פון די יידן, וועלכע כ׳האָב דערקענט אין מיין היימלאַנד.

— וואָס מער אנטיפּאַטיש און דערווידער עס זענען מיר געוואָרן די דאָזיקע מענטשן, אַזוי האָב איך געוואָלט דערקענען יידן אין ישראל. אַ סך געלייענט און געלערנט וועגן דער יונגער מדינה, איר געראַנגל און פּראָבלעמען. עס האָט זיך געוואָלט אָנקוקן די מענטשן און דאָס לאַנד — און גראָד האָט די פירמע געגעבן דערצו אַ מעגלעכקייט. בין איך געקומען אַהער, בין צופרידן, האָב דאָ חתונה געהאַט. וועסט שטוינען צו וויסן, אַז מיין פרוי איז אַ יידישע טאָכטער פון איראַן. אָט זיצט זי דאָרט, מיט אירע חברטעס. פאַראַן אַפילו אַ קינד אויך, אַ מיידעלע פון אַ יאָר. איך פיל זיך דאָ גוט, הגם די יידישע אַרבעטער אין אונדזער אונטערנעמונג, די שכנים, פריינד און באַקאַנטע, ווייזן ניט איין מאָל אויף מיר אָן, אָדער שושקען זיך: "ער איז אַ דייטש". איך דערמאָן זיך, אַז אויף די יידן אין דייטשלאַנד האָט מען אויך אַזוי אָנגעוויזן און זיך איבערגעוווּנקען, צי איבערגעשושקעט, אַז "אָט איז אַ ייד".

— האָסט געוואָלט אַן אָפנהאַרציקע דערציילונג — כ׳האָב זי דיר געגעבן. זי איז אמתדיק, ווי טראַגיש־אמת ס׳איז אייער נאַציאָנאַל אומגליק געווען אין דער אָקופּירטער אייראָפּע און ווי דערפרייענדיק ריכטיק עס איז דער פאַקט פון אייער מדינה, בפרט איצט, נאָכן זעקס־טאָגיקן קריג. אגב, איך האָב אין די טעג פון יוני און יולי איבערגעלעבט מיט אייך אַלע דעם ציטער, זאָרג און דערנאָך די פרייד פון נצחון. איך האָב ניט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן, בין ווייט פון רעליגיע — נאָר האַלט זיך אין אַלע הינזיכטן ווי אַ בירגער פון דער יידישער מדינה. ס׳איז ביי מיר ניט געווען קיין ספק, אַז ווען די מלחמה וואָלט זיך פאַרצויגן אַ ביסל לענגער, גיי איך פרייוויליק אין צה״ל.

— עס קלינגט אפשר אַלץ אומגלויבלעך, יאָ? אָבער דאָס איז מיין ענטפער, אָדער "קאָנטראַ" יענע יידן, וועלכע זיצן היינט אין דייטשלאַנד. אויב עס איז מעגלעך פאַר זיי צו באַטרעטן די ערד, וועלכע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַזוי פיל יידן־האַס, אויב זיי האָבן באַשלאָסן צו לעבן צווישן אַ פאָלק, וואָס ניט איינער פון זיי האָט געהאַט אַ ברירה צו זיין דער מערדער פון זיינע נאָענטע — פאַר וואָס זאָל איך זיך ניט פילן גוט אין מדינת ישראל?

איך: — וואָלסט ניט פאָרגעלייגט נאָך דייטשן זיי זאָלן נאָכטאָן דיין ביישפּיל?

ער: - ניין! איך בין אַן אינדיווידואַליסט. לעב אַ ביסל פאַר זיך און אין זיך. ניט מיין אויפגאַבע וועמען צו זאָגן, ער זאָל זיך שיטן אַש אויפן קאָפּ, אָדער אָנטאָן אַ זאַק אויף די לענדן. דאָס איז אַ פּערזענלעכער ענין פון יעדן דייטש, הגם מיין פּריוואַטע מיינונג איז די, אַז דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק טראָגט אַ קאָלעקטיווע אחריות פאַר דעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען. ס׳איז אָבער ניט קיין סוד, אַז ניט אַלע יידן זענען אַזעלכע שטרענגע ריכטער כלפּי די דייטשן, ווי איך. והראיה, דער דייטשער "פאָלקסוואַגען" ווערט אין ישראל פאַרקויפט מערער ווי אַן אויטאָ פון דער פראַנצויזישער "פּעזשאָ", איטאַליענישער "פיאַט", צי ענגלישער "קאָרטינא". אויך "מיינע"

מאָטאָרן האָבן דאָ אַ גוטן אָפּזאָץ־מאַרק, הגם איר וואָלט זיי געקענט קויפן אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער. וועגן די אָנגעקניפּטע דיפּלאָמאַטישע באַציונגען צווישן באָן און ירושלים, דאַרף איך קיין וואָרט ניט פאַרלירן. אַלנפאַלס, ניט נאָר ביי אונדז, אין דייטשלאַנד, וויל מען פאַרגעסן, אָדער מען מאַכט זיך פאַרגעסן די יאָרן 1933־1945, נאָר אויך מצד די יידן זענען געמאַכט געוואָרן אַ סך פאַרגעסונגען, איבערבעטונגען, קאָמפּראָמיסן; ס׳איז אַפילו איינגעשטעלט געוואָרן אַ מין פרידלעכע קאָ־עקזיסטענץ צווישן די 30 טויזנט יידן אין דייטשלאַנד און די צענדליקער מיליאָנען דייטשן אויף דייטשער ערד, וואָס צענער טויזנטער פון זיי האָבן געדינט אין די פאַרשיידענע היטלעריסטישע פאָרמאַציעס.

— געדענקסט דאָך אַוודאַי, אַז מיט העכער אַ יאָר צוריק האָט מען אַנטדעקט אַ יידישן בחור אין אַמעריקע, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער ראַסיסטישער און אַנטיסעמיטישער קו־קלוקס־קלען. די אַנטפּלעקונג האָט דערפירט דעם בחור צו זעלבסטמאָרד. איך, ווי א דייטש אין מדינת ישראל, וועל ניט אויסבאַהאַלטן מיין אָפּשטאַם, הגם כ׳וועל אויך מיט אים ניט פאַראַדירן אין די גאַסן און כ׳האָב ניט בדעה דאָס לעבן זיך צו נעמען, אויב מיין פאָלק און מיין לאַנד וועט זיך דערוויסן, אַז איך געפין זיך צווישן יידן, אין זייער לאַנד, אַז דאָ האָב איך בדעה צו פאַרבלייבן...

— נו, מיך דאַרפן פאַרענדיקן. ס׳איז ניט שיין אויף אַ שמחה פון אַלע זיך אָפּצווזנדערן. ״לחיים״ פאַרן יונגן פּאָרל, אונדזערע געמיינזאַמע פריינד, און ״לחיים״ פאַר דער יונגער מדינה אייערער...

אַ מחשבה איז מיר דעמאָלט באַפאַלן, אַז ס׳איז ניט אין גאַנצן ריכטיק אונדזער ווערטל, אַז די וועגן פון תשובה זענען ניט ווייניקער פאַרדאָרבן ווי די וועגן פון זינד. מיין געפיל איז געווען, אַז דער יונגער, דייטשער חוזר בתשובה אין ישראל, איז אין איצטיקן מאָמענט פריי פון זינד, אפשר א סך פרייער פון יענע יידן, וואָס וווינען אויף דייטשער ערד...

(י״ש ת״א, 7.2.68)

## ערשטער סעפּטעמבער 1939־1969

דרייסיק יאָר זענען פאַריבער פון יענעם פאַטאַלן טאָג, ווען היטלער־דייטשלאַנד האָט מיט איר איבערפאַל אויף פּוילן אָנגעצונדן דאָס פייער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַזאַ דאַטע איז ווידער אַמאָל אַ פאַסיקע געלעגנהייט אונטערצוציען אייניקע סך־הכלען, הגם דעם אמת געזאָגט, נייטיקן מיר זיך נישט אין אַ ספּעציעלן ״יובל״, בכדי צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם מלחמה. אין אונדזער דור און אין אונדזער מדינה איז די דאָזיקע דערשיינונג אַ טאָג־טעגלעכע, שיעור ניט אַ זעלבפאַרשטענדלעכע...

### א בלוטיקער שניט — אָן א מוסר־השכל

זעקס יאָר האָט געדויערט די צווייטע וועלט־מלחמה, אין וועלכער עס זענען געוואָרן אַריין געצויגן זעכציק לענדער מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ מיליאַרד זיבן הונדערט טויזנט. פון די 110 מיליאָן מאָביליזירטע זעלנער, זענען אויף די שלאַכט־פעלדער אין אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע געפאַלן אַ 30 מיליאָן, אַ חוץ 45 ביז 50 מיליאָן פאַרוווּנדעטע און פאַרלוירענע. די־אָ קריג האָט געשלאָגן רעקאָרד מיט איר פאַרנעם, צאָל קרבנות, נייע מאַפּעס און גרענעצן — צי דורך ברוטאַלער אַגרעסיע, פון וועלכער ס׳איז געפאַלן אַ קרבן פּוילן, דענעמאַרק, נאָרוועגן, בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך, יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד און רוסלאַנד — צי מיט דער הילף פון אַנעקסיעס און קליינע מלחמות, ווי די באַלטישע לענדער, פינלאַנד, מערב אוקראַינע און מערב ווייסרוסלאַנד.

וואָס שייך דעם יידישן פאָלק, האָט עס באַצאָלט מיט זעקס מיליאָן קרבנות — אַ דריטל פון זיין באַשטאַנד — צוליב דעם ראַסן־שגעון, אַכזריות און פאַרווילדונג פון דעם דריטן רייך.

אַזאַ בלוטיקער שניט האָט על פּי השכל און על פּי היושר באַדאַרפט אויף אַ שטיק צייט אָפּקילן די מלחמה־טעמפּעראַטור, שטילן די אַפּעטיטן פון אַגרעסאָרן און פּאַרכאַפּערס, לאָזן פאַרהיילן די ווונדן פון די שרעקלעכע יאָרן 1939־1945. נאָר אין אונדזער משוגענער וועלט ענדערט זיך אַלץ — אויסער דעם מענטש, צי אַ באַשטימטע קאַטעגאָריע זייערע. זינט דער קאַפּיטולאַציע פון די אַקס־מדינות (דייטשלאַנד, איטאַליע, יאַפּאַן) מיט 24 יאָר צוריק, האַלטן מיר היינט ביי אַ סטאַטיסטיק פון אַ קנאַפּע פופציק מלחמות און בירגער־קריגן פון גאָר גרויסן און קליינעם מאסשטאב, וועלכע ברענגען ווידער חורבן און אומגליק. גענוג צו דערמאָנען די מלחמה צווישן האָלאַנד און אינדאָנעזיע (1945־47); אינדיע — פּאַקיסטאַן (1947־49 און 1965); פראַנקרייך — וויעטמין (1945־54); פראַנקרייך — אַלזשיריע (1956־62); קאָרעאַ — פאַר. שטאַטן און אונ״אָ (1950־53); כינע — טיבעט, כינע־פאָרמאָזע, כינע־אינדיע, כינע־ראַטנפאַרבאַנד (1950־59, 1954־58, 1959־62, 1969); אמעריקע — וויעטנאַם (פון יאָר 1959); אַלזשיריע — מאַראָקאָ (1963); מצרים און תימן (1962־67); אַגרעסיע און אָקופּאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע מיט אַ יאָר צוריק, מצד אירע פאַרבינדעטע פונעם ״וואַרשעווער פּאַקט״; די אכזריותדיקע מלחמה צווישן ניגעריע און ביאַפראַ, ווו ס׳ווערט מיט דער גאַנצער ברוטאַלקייט און ציניזם אָנגעווענדעט אַזאַ נישט־קאָנווענציאָנעל געווער ווי **אויסהונגערונג**.

אין דער רשימה האָבן מיר נישט דערמאָנט נאָך אַ סך מלחמות און באַוואָפנטע קאָנפליקטן. אָבער די דריי וועלכע מ׳האָט געשפּירט אויף דער אייגענער הויט און האָבן זייער המשך אין דעם ראַיאָן, פלעכטן זיך אויך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם מלחמה־געוועב. מיר מיינען אונדזער באַפרייונגס־קריג אין יאָר 1948, די סיני־קאַמפּאַניע אין 1956 און די זעקס־טאָגיקע מלחמה אין 1967.

### מען גרייט צו (אויסצומיידן ? !) א דריטע וועלט־מלחמה

ווי דער שטייגער, רעדן אַלע וועגן שלום, קאָ־עקזיסטענץ, זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פאַר פעלקער, פרייהייט — און דער באַוואָפענונגס־געיעג אויף דער גאַנצער וועלט און אין אונדזער ראַיאָן הערט ניט אויף קיין איין מינוט. מיט אַ צייט צוריק האָט מעק נאַמאַראַ, פאַרטיידיקונג־מיניסטער פון פּרעזידענט דזשאָנסאָנס קאַבינעט דערציילט פאַר אַ סענאַט־קאָמיסיע, אַז אַמעריקע באַזיצט אַטאָם־געווער אויף אומצוברענגען מיט איין קלאַפּ 3/4 פון רוסלאַנדס באַפעלקערונג. לויט זיין מיינונג, איז אויך מאָסקווע נישט הינטערשטעליק אויף דעם געביט.

דער צפון־אַטלאַנטישער בונד (נאַט״אָ), וועלכער נעמט אַרום נאָרוועגן, דענעמאַרק, ענגלאַנד, מערב־דייטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע, לוקסענבורג, איטאַליע, גריכנלאַנד, טערקיי, פּאָרטוגאַל, פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, פאַרמאָגט היינט אין אייראָפּע 56 דיוויזיעס, צו וועלכע מען קאָן מאָביליזירן נאָך דרייסיק אין פאַרלויף פון 2 וואָכן. דאַקעגן דער וואַרשעווער פּאַקט — פסס״ר, פּוילן, מזרח־דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, רומעניע און בולגאַריע, האָט איצט אונטערן געווער הונדערט דיוויזיעס, פון זיי 40 — סאָוויעטישע. נאָך אַ הונדערט רויטאַרמייאישע דיוויזיעס האָט מען ״צוגערוקט״ צו דער כינעזישער גרענעץ.

שטעלט זיך פאָר אין וויפל שפּייז, באַקליידונג, שיך, אויסשטאַטונג און געווער נייטיקן זיך אַזעלכע מיליאָניקע אַרמייען. און וויפיל קאָסטן די אָנגעגרייטע ריזיקע צאָל עראָפּלאַנען, ראַקעטעס, וואַסערשטאָף־באָמבעס, אַטאָמישע און געוויינלעכע, קריגס־שיפן, אונטערוואַסער־שיפן, האַרמאַטן און טאַנקען. מען דאַרף ניט האָבן קיין רייכע פאַנטאַזיע אויף צו פאַרשטיין, אַז בעצם איז די גאַנצע וועלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין מעכטיקן פאַס פּולווער און דער קלענסטער פונק איז מסוגל דאָס אַלץ אויפצורייסן לויטן נוסח ״תמות נפשי עם פלישתים״, אַז דער אונטערצינדער זאָל אומקומען צוזאַמען מיט די וועלכע ר׳האָט באַשטימט פאַר זיין קרבן.

דער דאָזיקער קעגנזייטיקער פּחד, אַז ביידע וועלן אומקומען, אָדער די א. ג. אַטאָמישע גלייכגעוויכט צווישן ביידע גרויסמאַכטן, דאַרפן דינען אַלס רפואה פאַר דער מכה. כל זמן ביידע

זענען באַוואָפּנט ביז איבער די ציין, דערצו נאָך מיט אַזעלכע כלים וואָס זענען מסוגל חרוב צו מאַכן אַ וועלט — איז דערווייל מעגלעך אויסצומיידן די קריג.

שטעלט זיך די פראַגע: איז אונדז באַשערט צו לעבן נאָר אין זכות פון שטאַרקע באַוואָפּענונגען? איז טאַקע אומפּאַרמיידלעך די איבערחזרונג פון יענעם ערשטן סעפּטעמבער מיט 30 יאָר צוריק? אָדער מוז נאָך אַלץ די מלחמה זיין — לויט דער קלאַסישער פאָרמולע — דער המשך פון פּאָליטיק ביים אָנווענדן געוואַלט־מיטלען?

און מיר נאַיווע האָבן געמיינט, אַז מלחמה לאָזט זיך אויסמיידן גראָד פון אַנטוואָפּענונג...

## אויס מיטן "פּאָטערלאַנד אין רוקזאַק"

שילדערנדיק די פּליטים־מאַסע אויף די וועגן פון פּוילן אין די סעפּטעמבער־טעג פון 1939, שרייבט דער ייִדיש־פּוילישער פּראָזאַיקער אַדאָלף רודניצקי, אַז "יעדער פון זיי האָט געטראָגן זיין פּאָטערלאַנד אין רוקזאַק". שוידערלעכע זעקס יאָר האָבן דורכגעמאַכט יענע אויסגעוואָרצלטע און אַנטרונענע פון זייערע ערטער — ביז מען האָט זיך באַפרייט פונעם רוקזאַק און דערשלאָגן זיך צו דער אייגענער היים און אייגענעם לאַנד.

אָבער אויך דער שמאָלער און ניט לאַנגער פּאַס ערד לענגאויס דעם מיטללענדישן ים איז גרויס אין די אויגן פון אונדזערע שכנים און זייערע אַפּוטרופּסים. און זיי באַהאַלטן גאָר נישט אויס דעם ציל זייערן: אָפּווישן מדינת ישראל פון דער מאַפּע. ווי האָט געשריבן פּראָפ׳ סייבין, וועלכער האָט מיט אַ יאָר צוריק באַזוכט מיט נאָך צוויי אַמעריקאַנער פּראָפעסאָרן עטלעכע אַראַבישע לענדער: "כ׳האָב זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז כ׳זע אויף זייערע אָרעמס האַקנקרייצן". דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויפן אַדרעס פון מצרישע און ירדנישע פּראָפעסאָרן, אינטעלעקטואַלן און פּאָליטיקער, מיט וועלכע די אַמעריקאַנער געלערנטע האָבן געשמועסט.

פאַר די אָפּגעלאָפענע דרייסיק יאָר האָבן מיר אַ סך געלערנט און פאַרשטאַנען. אונדזערע שכנים וועלן אַפילו ניט לאָזן נעמען דעם רוקזאַק, און ווו צו לויפן — איז אויך נישטאָ. דערפאַר אונדזער אַנטשלאָסנקייט, אויסדויער, פאַרטיידיקונג און שטיין אויף דער וואַך — אַזוי לאַנג, ביז די אַראַבישע מנהיגים וועט זיך וועלן מקיים זיין וואָס אין זייער פּסוק שטייט, אין קאָראַן:

"כאָטש וועסט זיין אין כעס אויף אַ צווייטן מענטש, דאַרפסטו אים ניט אויסמיידן. זוך אים אָפּ, באַגריס אים, רייד מיט אים געלאַסן, אָן דער שאַרפער בייסיקייט צו דעם וואָס איז דיר ניט סימפּאַטיש ביי אים. בעסער פון אייך ביידע וועט טאָן דער וואָס וועט דער ערשטער קומען און באַגריסן...".

דערווייל זענען מיר די ערשטע, וואָס האָבן אויסגעשטרעקט די האַנט צו שלום און באַגריסונג. נאָר די דאָזיקע האַנט הענגט אַלץ אין דער לופטן...

## אבסורדן און שפּיצלעך

אַ דערמאָנונג פון ערשטן סעפּטעמבער 1939 מוז זיך אויך רעפלעקסירן מיטן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך, וועלכער האָט געהאָלפן נאַצי־דייטשלאַנד רעאַליזירן אירע פינצטערע פּלענער אין אייראָפּע, ווי כלפּי דעם ייִדישן פאָלק. אין סעפּטעמבער 1969, אין דער איצטיקערווירקלעכקייט, האָבן מיר ניט קיין שום אילוזיעס, אַז דער קאָסיגין־נאַצער אָפּמאַך איז מיט דער גאַנצער שאַרף געווענדעט קעגן מדינת ישראל און אירע ייִדישע איינוווינער. די באַרימטע "קאַטיושאַס" וועלכע האָבן אַזוי עפעקטיוו געשאָסן אויף די אָפּטרעטנדיקע דייטשישע חיילות אין דער צווייטער וועלט־מלחמה — ווערן היינט געצילט אויף קרית־שמונה און בית־שאן, דגניה און בית יוסף.

דאָס איז ניט דער איינציקער אבסורד. פאַראַן נאָך אַ סך אַזעלכע: די רעוואַנזשיסטישע מערב־דייטשלאַנד מיטן געוועזענעם נאַצי, ד״ר ק. ג. קיזינגער, דעם היינטיקן קאַנצלער, האָט אַ ביסל מער פאַרשטענדעניש פאַר מדינת ישראל און פאַר ייִדישע אינטערעסן בכלל, ווי די מזרח־

דייטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק פונעם קאָמוניסט וואַלטער אולבריכט. פּונקט ווי די אימפּעריאַליסטישע אַמעריקע דאַרף זיין דער מליץ יושר פאַר ישראלדיקע אינטערעסן, אַנטקעגן דער ברוטאַלער אַנטי־ישראלדיקער און אַנטי־יידישער איינשטעלונג פון מאָסקווע. און אין דער צייט ווען גאָמולקאָ ווייזט "זיינע" יידן די טיר פונעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, האָט פראַנקאָ־שפּאַניע רעהאַביליטירט די יידן פון אַ ריי פאָרורטיילן און איז גרייט זיי היינט אויפצונעמען ביי זיך אין לאַנד...

די געשיכטע האָט טאַקע ליב אָפּצוטאָן שפּיצלעך, צוגרייטן איבעראַשונגען — אָבער מיר דאַרפן תמיד געדענקען די לערע פון ערשטן סעפּטעמבער 1939 און איר באַדייטונג היינט, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1969...

(י"ש ת"א, 27.8.69)

# אין 33סטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד

**א**

די טראַומע פון אומברענגען א דריטל פון אונדזער פאָלק, ווי דער באַוווסטזיין פון יידישן ווידערשטאַנד און הערהאַיזם אין דער אָקופּירטער אייראָפּע אין די יאָרן 1939־1945, פאַרנעמען נאָך אַלץ אַן אָנגעזונן אָרט אין דער נאַציאָנאַלער מחשבה אונדזערער, ווייל די שארית הפליטה פון אייראָפּעישן יידנטום, דאָס פאָלק אין ישראל און אין די תפוצות, באַטראַכטן זיך דאָך ווי דער נאַטירלעכער יורש פון די אומגעבראַכטע קדושים. דער אומגליק האָט געטראָפן דאָס גאַנצע פאָלק — נישט בלויז די דירעקט געליטענע.

דעריבער וועט די דאַטע פון 19טן אַפּריל תמיד זיין איינגעקריצט אין אונדזער זכרון און געמיט. וויפל מיר זאָלן נישט טענהן, אַז וועגן דער חורבן־תקופה האָט מען שוין אַ סך געלייענט, געהערט, באַוויינט און באַשריבן — וועט אין יעדן יאָרטאָג פונעם העלדישן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע די ווונד פרישער, זי הייבט ווידער אָן בלוטיקן. עס לאָזט זיך בשום אופן נישט פאַרגעסן וואָס דער דייטשער עמלק האָט אָפּגעטאָן. איז פאַרשטענדלעך, וואָס יאָר־איין יאָר־אויס, אין טאָג פון כ"ז ניסן, באַהעפטן מיר זיך מיטן אָנדענק פון די פאַרשניטענע לעבנס, די קרבנות פון די היטלעריסטישע רציחות, וואָס ביזן אומקום האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין אומגעהויערע ליידן און פּיין, דערנידעריקונגען און קלעפּ, הונגער און קראַנקהייטן, געלע לאַטעס, צוואַנגאַרבעט און א קאָשמאַר־לעבן אין די געטאָס.

צי האָבן מיר זיך דערווייטערט פון יענער תקופה? קאַלענדאַריש, לויט דער צייט־רעכענונג — אוודאי! נאָר מיטן געדאַנק, באַוווסטזיין און געפיל — בשום אופן נישט. "וואָס ווייטער פון באַרג — אַלץ מערער זעט מען אים"... און כל־זמן דער באַרג חורבן שטייט נאָך אַלץ פאַר די אויגן, איז די שואה בולטער, רעליעפער. אין אונדזער דור איז זי נישט נאָר פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך — קעגנוואַרט, מיט א פאַרבאָרגענער ערגעץ־ווו מחשבה, צי וועלן יענע גרוילטאַטן זיך נישט איבערחזרן. ווי עס זאָל נישט זיין, איז די ווירקונג פון דער חורבן־תקופה נישט געוואָרן אָפּגעשוואַכט סיי צוליב דעם טראַגישן פאַרנעם, סיי צוליב די אַקטועלע געשעענישן, וועלכע סיגנאַליזירן און דערמאָנען...

דער אומקום פון זעקס מיליאָן האָט געלייגט א טיפן חותם אויף דער אַנטוויקלונג און געשיכטע פון יידן, געוועזן א ווענדפּונקט אין לעבן פון פאָלק און געדינט ווי א וויכטיקע מאָטיוואַציע צו אנערקענען אונדז אַן אייגענע מדינה.

ב

אנאליזירן היינט די סיבות, וועלכע האָבן דערפירט צום אומקום, איז נייטיק נישט אזוי צוליבן עבר, ווי — פאַרן מאָרגן. דערפאַר איז אויך איצט אקטועל די פראגע, צי יענע כוחות, ווי: טאָטאַלע דיקטאטור, שנאה פון דורות, מלחמות, דער גלויבן אין ברוטאַלער קראפט, פּערזאָנען־קולט און יידישע שטאַטלאָזיקייט, וועלכע האָבן גורם געווען צו אונדזער נאציאָנאַלער קאטאסטראָפע — ווירקן אויך היינט? ליידער, זענען נאָך בנמצא אין פארשידענע לענדער ענלעכע רעזשימען ווי היטלערס, שוין אָפּגערעדט פון ראסן־האַס, רעליגיעזע און נאציאָנאַלע אנטאגאָניזמען, אנטיסעמיטיזם, קליינע און גרויסע מלחמות. די אַלע דערשיינונגען, צי איינע פון זיי, איז עלול צו דערפירן צו א לאגע, אז יידן זאָלן ווידער זיין דער עיקרדיקסטער קרבן פון מענטשלעכער רשעות, ווי דאָס האָט באוויזן די טרויעריקע דערפאַרונג מיט קאַרגע 40 יאָר צוריק.

מען דאַרף אָבער נישט פארגעסן, אז מיר לעבן אין א תקופה, ווען דער 33־סטער יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד אין ווארשע, פאלט זיך צונויף מיטן 28סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל. היינט פארמאָגט דאָס יידישע פאָלק אַן אייגענע מדינה, וועמענס מאָראלישער כוח און אויסשטראַלונג אויף די תפוצות, אויך אַ דאַנק דעם נצחון איבער די פיל גרעסערע אראבישע כוחות אין פינף מלחמות — זענען א געווענדיקע גאראנטיע נישט צו דערלאָזן צו אן אוישוויץ־רעצידיוו. די נצחונות פון צה״ל און דער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ זענען דער בעסטער עדות, אז **דער געדאנק פון ווידערשטאַנד איז געווען און פאַרבליבן דאָמינירנדיק איבערן ווילן צו הכנעה.**

שרייבן וועגן יענער תקופה, מיינט: ווידער אומקערן דעם לייענער, וואָס איז אפשר אליין געווען דער עדות און קרבן פון די געטאָס און טויטלאגערן, צו דער סאַמע פינצטערער תקופה אין דער יידישער געשיכטע, אזא רייכע אין רדיפות, פּאָגראָמען, דיסקרימינאציעס און שייטערהויפנס. אָבער די נאַצישע דייטשלאנד, מיטן פלאנירטן און אָרגאניזירטן אומברענג פון גאַנצע יידישע קהילות, האָט מיט אירע געשפּענסטיקע גרוילטאטן איבערגעשטיגן אלע טאָרקוועמאדאָס, כמיעלניצקיס און פעטלוראס. ביי יענע, ווי בימי היטלער, האָט א פאַרברעכערישע מינדערהייט פון רוצחים און סאדיסטן, ביי דער גלייכגילטיקייט פון דער מערהייט און הילפלאָזיקייט פון די קרבנות, באַוויזן אדורכצופירן זייערע פינצטערע פלענער. וואָלטן די רעגירונגען, פּאָליטיקערס און פעלקער געבליבן טריי די הומאניטארע אידייען, אונטערליגט נישט קיין ספק, אז נישט נאָר יידן וואָלטן אויסגעמיטן דעם גורל פון סאָביבור און כעלמנאָ, נאָר אויך כמעט אַ גאַנצע וועלט וואָלט פארשפּאָרט אַלע אומגליקן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ג

די פארשווייגער, פארלייקענער אָדער פארקריפּלער פונעם גרויסן יידישן אומגליק, ווילן אונדז ״טרייסטן״, אַז אויך אנדערע פעלקער זענען געפאַלן א קרבן פון די היטלעריסטישע רציחות. אוודאי איז נישט אָפּצולייקענען, אַז אויך רוסן און פּאָלאקן, פראנצויזן און טשעכן, יוגאָסלאוון און גריכן זענען אין די מיליאָנען אומגעקומען פון די דייטשע מערדערס. אָבער די אַלע האָבן געהאַט אייגענע מדינות מיט סוּווערענע רעגירונגען, וועמען דייטשלאנד האָט דערקלערט און מיט זיי געפירט מלחמה, ווייל אין תוך איז דער היטלעריזם געווען א מענטשנפרעסערישע אידעאָלאָגיע. נאָר כלפּי יידן איז עס דערגאנגען ביי זיי צו א רעליגיע, אַ גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע, אַ נאציאָנאַלע און מלוכהשע אויפגאבע **אומצוברענגען** אונדזער פאָלק, אפילו נישט געגעבן די ברירה פון שמד. זענען דאָך די משומדים פון צווייטן און דריטן דור פארטריבן געוואָרן אין די געטאָס, באַזאַמען מיט אַלע יידן.

האָט די שואה צעשטערט די אילוזיע בנוגע דעם אָרט פון יידן צווישן פעלקער און אַ סוף געמאַכט צום גלויבן אין אינטעגראציע, צי אסימילאציע? אין יענער תקופה האָט מען אפשר געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט זיך איינצולעבן צווישן פעלקער, נאָר דער פאקט וואָס בסך־הכל

20% פונעם יידישן פאָלק געפינט זיך היינט אין ישראל און 80% אין די תפוצות, באַווייזט, אַז דער איבערוויגנדיקער רוב האָט זיך נאָך נישט באַפרייט פון דער דאָזיקער אילוזיע...

די צינישקייט און גלייכגילטיקייט צו אונדזער אומגליק איז אַזוי וועק אַזוי ווייט, אַז ווען מ׳האָט זיך געבעטן ביי די רעגירונגען פון דער אַנטי־היטלעריסטישער קאָאַליציע צו וואַרפן אַ באָמבע אויף אוישוויץ צי מיידאַנעק, איז תמיד געקומען אַן אָפּזאָג; אַפילו אַזאַ נייטראַלע מדינה ווי שווייץ, האָט אינטערנירט געראַטעוועטע יידן וואָס האָבן געשמוגלט די גרענעץ; מיט זיין נישט אינטערווענירן, האָט דער פּויפּסט געגעבן די הסכמה אומצוברענגען די יידן; פּרעזידענט רוזוועלט האָט זיך געמאַכט נישט הערן דעם וויי־געשריי פון יידישע מנהיגים אין אַמעריקע; ענגלאַנד האָט פאַרשלאָסן די טויערן פון ארץ־ישראל און נישט געוואָלט אַריינלאָזן קיין איין יידישן פּליט, אויך נאָך דעם וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט די שיפן "סטרומאַ" און "פּאַטריאַ".

עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז די רעגירונגען האָבן נישט געוווּסט וואָס עס קומט פאָר אין דער פאַרשקלאַפטער אייראָפּע. נאָר אפשר האָבן זיי יאָ געוווּסט, אָבער נישט געוואָלט גלויבן. אויך אונדזער נאַציאָנאַלע אָנפירונג בשעתו, ווי דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר, האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע, זאָל אַ ציוויליזירט פאָלק, מיט דער הילף פון דער מאָדערנסטער טעכניק, איינפירן געזעצן און מנהגים פון דזשונגל; אַז דער דזשענאָסייד פון די דייטשן וועט דערגיין צו אַזאַ פאַרנעם און אַז דעם טייערסטן פּרייז וועט באַצאָלן דאָס יידישע פאָלק.

דעמאָגראַפיש — איז עס געווען דער גרעסטער קלאַפּ פאַרן נאַטירלעכן צוּוווּקס. אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט האָבן מיר געציילט 2 מיליאָן און אין סוף פון זעלבן יאָרהונדערט איז מען דערגאַנגען צו 10 מיליאָן, אַ וווּקס פון פינף מאָל אַזוי פיל! ס׳איז לייכט צו מאַכן דעם חשבון, אַז ווען נישט בוכענוואַלד און מיידאַנעק, וואָלט אונדזער פאָלק היינט געציילט עטלעכע צענדליק מיליאָן.

אויך קולטורעל, באַזונדערס פאַר דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור, איז עס געווען ממש אַ פאַרניכטנדיקער קלאַפּ, ווייל די אומגעקומענע אין די קרעמאַטאָריעס און אין די געטאָס האָבן אין איבערוויגנדיקן רוב זיך אויסגעלעבט אין יידיש.

ד

ווי געזאָגט, איז שווער געווען פאָראויסצוזען אַזאַ חורבן, אַפילו ווען מ׳איז יאָרן־לאַנג געוווינט געווען צו אַנטיסעמיטיזים, רדיפות, פּאָגראָמען, פּליטים. אָבער גאַז־קאַמערן? מאַסן־עקזעקוציעס? שקלאַפן־אַרבעט און אויסהונגערונג?

יידן האָבן אויך געוואָלט גלויבן אין פעלקער־פאַרברידערונג, אין סאָלידאַריטעט, באַזונדערס פון די פעלקער אין די אָקופּירטע לענדער. נאָר די דערפאַרונג מיט די פּאָלאַקן, אוקראַינער, לעטן, ליטווינער און אַנדערע האָט באַוויזן, אַז אויף אומצוברענגען יידן, איז זייער קאָלאַבאָראַציע מיט די דייטשן דערגאַנגען צו גאָר הויכע מאַסשטאַבן.

אין אָנבליק פון אַזאַ לאַגע, זענען אין די ערשטע יאָרן פון קריג יידן געווען דעפּרימירט און דעזאָריענטירט. שפּעטער, ווען די פּעטליע האָט אָנגעהויבן זיך פאַרציען אַרום דעם האַלדז, האָט זיך נאָך אויך נישט געוואָלט גלויבן אינעם אַרויסגעטראָגענעם טויט־אורטייל. ווען מ׳האָט זיך שוין יאָ געכאַפּט אויף די בייזע כוונות פון די רוצחים — איז געווען צו שפּעט. אָבער נישט אין גאַנצן. די באַוואָפנטע אויפשטאַנדן אין אַ ריי געטאָס און טויט־לאַגערן האָבן באַוויזן, אַז מען לאָזט זיך נישט פירן ווי שאָף צו דער שחיטה, הגם די יידישע אונטערגרונט־באַוועגונג איז נישט געווען קיין אַלטערנאַטיווע צום לעבן, נאָר בעיקר געווען איינגעשטעלט אויף דער דילעמע — ווי אַזוי שטאַרבן...

נישט געקוקט אויף דער איבעראַשונג און אויפן פאַרנעם פון דער דייטשער מאָרד־מלאכה, ווי אויך אויף דער אַקטיווער מיטהילף פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, האָבן יידן זיך נישט איינגעבראָכן און באַוויזן צונויפצואַמלען רעשטלעך מאָראַלישע און פיזישע כוחות, כדי זיך

קעגנשטעלן די אלע פורעניותן. די גייסטיקע ירושה, דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, דער רעליגיעזער עלעמענט, די זאָרג פאַר דער משפחה און היים, דער יש אין ארץ־ישראל, די שטרעבונג צו נעמען נקמה אין די רוצחים — האָבן געשטאַרקט און געמוטיקט דאָס פאָלק אין יענע ביטערע צייטן.

ה

דער 19טער אפריל 1943 איז געווען די ערשטע, יידישע, פראָנטאַלע, באַוואָפנטע באַגעגעניש מיטן דייטשן רוצח; אַן אָפענע שלאַכט, פנים אל פנים, איניציאירט און געפירט מיט יידישער חכמה, מוט, העלדישקייט; דער ערשטער באַוואָפנטער אויפשטאַנד אין דער אָקופּירטער אייראָפּע; דאָס האָבן יידן די ערשטע געעפנט דעם צווייטן פראָנט קעגן היטלער־דייטשלאנד און נאָך סטאַלינגראד — די צווייט־גרעסטע מפלה פון דער דייטשער ארמיי, א מאָראַליש־פּאָליטישער קלאַפּ דער ווערמאכט, וואָס האָט ארויסגערופן באַגייסטערונג און האָפענונג אין אלע לענדער, וועלכע האָבן געשמאַכט אונטערן היטלעריסטישן שטיוול.

גאנצע 4 וואָכן האָט הינטער די געטאָ־מויערן אין ווארשע געדויערט דער אומגלייכער פארמעסט צווישן אַ הייפל קעמפערס קעגן די דייטשע רוצחים. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אז יענע מרידה אין דער הויפּטשטאָט פון פוילן, איז געווען ערשט דער אָנהייב פון באוואָפנטן יידישן ווידערשטאַנד. ס׳איז גיכער געווען די קרוינונג פון יידישער גבורה קעגן היטלעריסטישן שונא. ווייל פריער. האָבן יידן אין ניעסוויזש געעפנט אַ פייער אויף די דייטשן און זייערע העלפערס, ווען מ׳האָט זיי געוואָלט ארויספירן פון געטאָ!

בכלל איז די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אַנטשטאַנען אַ סך פריער ווי ביי אנדערע פעלקער, ווי די באום־גרופּע אין בערלין; די ערשטע פּאַרטיזאַנער אין פּאַריז; די טשעכישע, ליטווישע, לעטישע איינהייטן און די סאָוועטישע "נאַראָדמאָיע אָפּאָלטשעניע" זענען 90% באַשטאַנען פון יידן; אין פוילן שאַצט מען די צאָל יידישע פּאַרטיזאנער אויף א 2 טויזנט קעמפערס אין די וועלדער; אין אוקראַינע און ווייסרוסלאנד — א 15 טויזנט; אין גענעראַל־גוווערנעמענט האָבן געווירקט 30 פארטיזאנער־אָטריאדן פון יידן — שוין אָפּגערעדט פון די אויפשטאַנדן אין די טויטן־לאַגערן סאָביבור, טרעבלינקע, אוישוויץ, כעלמנאָ, פּאָניאַטאָוו און אנדערע. אויב צו דעם צוגעבן די אנדערטהאַלבן מיליאָן סאָלדאטן און אָפיצירן אין די ארמייען פון די אליאירטע, איז די יידישע גבורה אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען א ווירדיקער ענטפער די דייטשע רוצחים.

ו

דער ווילן צום קאַמף איז געקומען צום אויסדרוק נישט נאָר ביים יחיד. דער עיקר האָבן די פּאָליטישע פּאַרטייען און די יוגנט־אָרגאַניזאציעס פאַרטראַכט, איניציאירט און זיך געשטעלט בראש פונעם אומגלייכן פארמעסט. דער יידישער אנטי־פאשיסטישער קאָמיטעט אין ווארשעווער געטאָ איז געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק די פּאַרטייען, וואָס האָבן דאָרט געפירט אויך אַ קולטור־טעטיקייט, אויפקלערונג, געזאָרגט פאַרן חינוך פונעם קינד, ארויסגעגעבן אומלעגאַלע צייטונגען און בראָשורן און גערופן צום אויפשטאַנד.

די אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע (זש. אָ. ב.) איז געווען צונויפגעשטעלט פון די אלג. ציוניסטן, פועלי־ציון לינקע און רעכטע, רעוויזיאָניסטן, השומר הצעיר, יידישע קאָמוניסטן און אנדערע גרופּן. מיטן שטאַב פונעם אויפשטאַנד האָבן אָנגעפירט: דער 24־יאריקער מרדכי אנילעוויטש פון השומר הצעיר, אַנטעק צוקערמאַן פון החלוץ, מאַרעק עדעלמאַן פון יוגנטבונד "צוקונפט" און הערש בערלינסקי פון לינקע פועלי־ציון. אודאי האָבן איז ווארשעווער געטאָ געווירקט אויך די א.ג. "ווילדע" גרופּן פון קעמפערס, אָבער דער געדאַנק און רעאַליזירונג פונעם אויפשטאַנד געהערן צו די אידעישע גרופּירונגען, וועלכע האָבן געווירקט אין געטאָ.

אָן שום ספק, אז די וויזיע פון אַ יידישער מדינה און די האָפענונג צו קומען אין לאנד, האָבן געשטויסן די יוגנט אין די געטאָס צו נעמען זיך צום געווער. נאָר אויך פון דאַנען, אין די ראמען פון דער בריטישער ארמיי און איר אויסשפּיר־דינסט, איז געקומען א וויכטיקערביישטייער צום אנטי־היטלעריסטישן קאַמף, אין דער פאָרם פון דער יידישער בריגאדע; פון דאַנען זענען געשיקט געוואָרן 32 פאראשוטיסטן קיין רומעניע, יוגאָסלאוויע, איטאליע, סלאָוואקיע און אונגארן. 12 פון זיי האָט מען געכאַפּט און זיבן האָט דערשאָסן די געסטאפּאָ. מיט יאָרן שפּעטער, אין זכות און מיטן כוח פון דער יידישער מדינה, האָבן מיר געברענגט קיין ירושלים און געמשפּט איינעם פון די הויפּטמערדער פון דער "ענטגילטיקער לייזונג", אַדאָלף אייכמאַן.

אָבער נישט אַלע קריגס־פארברעכער זענען מיר געווען אימשטאַנד צו באַשטראָפן, ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט אייכמאַנען. ס'איז אָנצונעמען פאר ריכטיק דעם ציפער פון אינזש' שמעון וויענטאַל פון ווין, אַז היינט־צו־טאָג דרייען זיך נאָך ארום אַ 100 טויזנט אומבאַשטראָפטע רוצחים איןביידע דייטשלאנדס און אין אנדערע לענדער. די יוסטיץ אין באָן און אין פאַנקאָוו גיט זיך נישט צופיל מי צו ברענגען פאַרן געריכט די אלע מערדערס פון די זאָנדער־קאָמאַנדאָס, ס. ס., געסטאַפּאָ, זשאַנדארמעריע, פּאָליציי, פון דער וועהרמאַכט און די קוויזלינגס פון אנדערע פעלקער. א סברה, אַז די אומבאַשטראָפטקייט פון די נעכטיקע שונאי ישראל האָט "אָנגעצונדן די גרינע ליכט" ביי די פאַרשידענע אנטיסעמיטן סיי אין די א. ג. סאָציאַליסטישע לענדער, סיי אין די אזיאַ־אפריקאנישע מדינות און ביי די נעאָ־נאַציס אין דער מערב־וועלט, וואָס הערן נישט אויף צו העצן און באַשולדיקן דעם ציוניזם, מדינת ישראל און דאָס יידישע פאָלק. דווקא די יידישע מדינה, וואָס די אבות פונעם ציוניזם האָבן געמיינט, אַז זי וועט אָפּשאַפן דעם אנטיסעמיטיזם, איז גאָר געוואָרן אַן אָביעקט פאַר אַטאַקעס מצד שונאי ישראל פון רעכטס און פון לינקס.

ח

פאַראַן אַן אמונה ביי יידן, אז דער טויטער קאָן נישט איינרוען אין קבר, ביז וואַנען מען שטעלט אים נישט קיין מצבה, אָדער מען גיט נישט נאָך אים אַ נאָמען. די הונדערטער יזכור־ביכער, די צענדליקער מצבות אין דער גאַנצער וועלט, די קולטור־פאָנדן, סטיפּענדיעס און ליטעראטור־פּרייזן, די יערלעכע אזכרות פון די לאנדסמאַנשאַפטן, די געטאָ־פייערונגען אין מדינת ישראל וואָס טראָגן אַ מלוכהשן כאראקטער און פארנעם, און די מעמאָריאלאקטן דעם 19טן אפּריל אין די תפוצות באַווייזן, אז מען האָט נישט פארגעסן אין די קדושים. זייער אַש און געביין קאָנען רוען... נאָר מיר, דער דור פון דער שואה און תקומה — רוט נישט און וועט נישט רוען. דערפאַר זענען די אַלע יִזכור־אקטן נישט נאָר דערמאָנונג — נאָר אויך אַ מאָנונג און וואָרענונג! אַ בליק צוריק צו יענער טראגיש־העראָישער תקופה איז נייטיק נישט בלויז אויף צו לערנען פון דער פארגאנגענהייט, נאָר אויך דערגיין צו די ריכטיקע מסקנות כלפּי דער קעגנוואַרט און צוקונפט. אַזאַ דאַרף זיין דער מוסר השכל אין 33סטן יאָרטאָג פון געטאָאויפשטאַנד אין ווארשע.

(י"ש ת"א, 7.4.76)

# מיט יידן
# אין די תפוצות

# סכנה פון מאָראַלישער און גייסטיקער דעגענעראַציע

מיט אַ חודש צוריק * האָט די יידישע אַגענץ אין מינכען פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו אַלע יידן אין דייטשלאַנד. אינעם אויפרוף ווערט צוו. אַנד. געזאָגט:

„ס׳ווערט פאַרענדיקט אַ קאַפּיטל פון ליידן, קאַמף און ליכט אין דער שארית־הפליטה, וועלכער האָט געבראַכט איבער הונדערט טויזנט יידן פון דייטשלאַנד קיין ישראל.

אויף דער דייטשער ערד געפינען זיך אָבער נאָך היינט צו טאָג צענדליקער טויזנטער יידן, הגם ס׳איז נישטאָ קיין שום אָביעקטיווע באַרעכטיקונג; נישט קיין יידישע, ציוניסטישע, אָדער מענטשלעכע, זיי זאָלן דאָ ווייטער זיצן.

די סוכנות און דער ישוב אין מדינת ישראל זעען אין דעם דאָזיקן זיצן אַ שווערע סכנה פון צופאַסן זיך צו דער סביבה, אַ סכנה פון נאַציאָנאַלער און מאָראַלישער דעגענעראַציע.

די סוכנות אין ארץ־ישראל האָט דעריבער באַשלאָסן פאַרענדיקן די טעטיקייט פון איר משלחת אין דייטשלאַנד דעם 31סטן דעצעמבער 1949.

דער אויפרוף אַפּעלירט צו די יידן וואָס געפינען זיך נאָך אין דייטשלאַנד, זיי זאָלן ווי אַמגיכסטן זיך רעגיסטרירן, כדי אין יאָר 1949 צו פאַרלאָזן די דייטשע ערד.

מ׳דאַרף באַגריסן די איניציאַטיוו פון דער סוכנות און פון די אינסטאַנצן פון דער שארית הפליטה צו ליקווידירן דעם גלות דייטשלאַנד. אַפילו די בונדישע און „פאָרווערטס״־קרייזן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן געשריגן און געשריבן וועגן „ציוניסטישן טעראָר״ ביים ליקווידירן די לאַגערן אין דייטשלאַנד, זענען איצט געקומען צו גאָר אַנדערע אויספירן. אַזוי צ. ב. שרייבט דער „פאָרווערטס״:

„צי די דייטשן וועלן אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דעמאָקראַטיש פאָלק, וועט די צוקונפטיקע געשיכטע באַווייזן. אָבער נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן, וואָלט געווען צופיל צו דערוואַרטן, אַז יידן זאָלן נאָך אַמאָל אָנפאַרטרויען די דייטשן זייער שיקזאַל.

דערווייל זעט מען נאָך נישט ביי די דייטשן דעם מינדעסטן געפיל פון חרטה, מען זעט נאָך אויך נישט, אַז דעמאָקראַטיע זאָל זיך דאָרט שטאַרק צוקלעפּן. פון אַלע פאַרטרויענסווערטע באַריכטן, וואָס זענען לעצטנס אָנגעקומען פון דייטשלאַנד, איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וואַקסט גאָר דאָרט. עס זענען לעצטנס אויך געווען אַ צאָל פּראָמינענטע יידישע פאָרשטייער אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן געמאַכט אַ שטודיום פון דער לאַגע, און אויך זיי זענען געקומען צום שלוס, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט נאָך אַלץ זייער טיפע וואָרצלען אין דייטשלאַנד און ס׳וואָלט געווען אַן אומזין פאַר די יידן צו פאַרבלייבן דאָרט״.

דוד איינהאָרן האָט אין דעם זעלבן „פאָרווערטס״ פעסטגעשטעלט, אַז אין יאָר 1945 זענען די דייטשע בלוטיקע חיות געוואָרן אויס אַנטיסעמיטן, ווייל:

„זיי האָבן געמיינט, אַז מען האָט שוין אַלע יידן אויסגעשאָכטן. קוים אָבער, האָבן די טיגערן דערזען אַ פּאָר שעפּסן, זענען זיי ווידער געוואָרן טיגערן״.

דער אויסגאַנג פון די וואַלן אין מערב־דייטשלאַנד, ווו די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען האָבן באַקומען אַ מערהייט שטימען און דער פּאָגראָם אויף די יידן אין מינכען, האָט אַפילו דעם „פאָרווערטס״ געבראַכט צום אויספיר, אַז

„די דייטשן ווייסן נישט פון אַזאַ זאַך ווי זעלבסטקריטיק. נאָך ביזן היינטיקן טאָג אָנערקענען זיי נישט זייער שולד אין די צוויי גרויסע וועלט־מלחמות. קיין איינע פון די פּאַרטייען אין לאַנד דערמאָנט אַפילו קיין וואָרט נישט וועגן דייטשלאַנדס שולד; אַלע רעדן נאָך אַלץ אין אַזאַ טאָן, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיי עפּעס געווען שולדיק; אַלע אַפּעלירן זיי צו דעם גוט־באַקאַנטן דייטשן צעפלאַקערטן נאַציאָנאַליזם פון יענעם מין, וואָס דערמאָנט היטלערן. די גאַנצע אַרבעט פון קנעלן מיט זיי דעמאָקראַטיע איז געווען אַרויסגעוואָרפן״.

---

* אָקטאָבער 1949.

אויך א. גלאַנץ שרייבט אינעם ניו־יאָרקער „טאָג":

„דאָס אומשולדיקע יידישע בלוט וועט נישט אויפהערן צו זידן אין דעם דייטשן נאַציאָנאַלן גוף. ביי אַנדערע פעלקער וואָלט אפשר אָט די קאָלאָסאַלע שולד געבראַכט צו באַשטימטע פאָרמען פון חרטה, תשובה און נאַציאָנאַלער, גייסטיקער רייניקונג. ביי די דייטשן קען מען נאָך אויף אַזוינס נישט האָפן. זיי זענען נאָך אַלץ נישט פעיק אויף חרטה אָדער תשובה. ווי אַ פאַרברעכער, וואָס זיין נשמה איז אינגאַנצן אויסגעהוילט פון מענטשלעכקייט, אַזוי זענען די איצטיקע דייטשן פיל מער עלול צו נעמען זיך צו אַן אַנדער פאָרם פון באַפרייען זיך פון זייער גרויסער שולד: צו פאַרדעקן מאָרד מיט נאָך מער מאָרד, צו לעשן פאַרברעכן מיט נאָך מער און גרעסערע פאַרברעכנס".

דער „אינסטיטוט פאַר יידישע ענינים" ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס האָט אין זיין באַריכט אַזוי כאַראַקטעריזירט די לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד:

„נישט געקוקט אויף דער אינטענסיווער סאָציאַלער און קולטורעלער טעטיקייט פון די יידישע קהילות אין דייטשלאַנד, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דאָס דייטשע יידנטום וועט אויפהערן צו עקזיסטירן אין דער גאָר נישט ווייטער צוקונפט. די אָנפירער פון די יידישע קהילות, ווי אויך אויסלענדישע יידישע און נישט יידישע באָאָבאַכטער האַלטן, אַז די לאַגע פון יידן אין דייטשלאַנד איז אין תוך גענומען אַ האָפנונגסלאָזע. ווען יידישע קהילות רעסטאַווּרירן זייערע אַלטע בית עלמינס, ווערן זיי ווידער געשענדעט און צעשטערט דורך דייטשע וואַנדאַלן. די געלע לאַטע איז אָפגעשאַפט געוואָרן דורכן באַפעל פון די אַליאירטע, אָבער די דייטשע יידן פילן, אַז אַן אַנדער מין אַנטיסעמיטיזם איז אויפגעשוואָמען".

אויך דער „וועקער", אָרגאַן פון שומאַכערס סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי קומט צום אויספיר, אַז:

„מיט דעם זיג פון די רעכטע דייטשע פּאַרטייען אין די איצטיקע וואַלן, ווערט אַוועקגענומען יעטוועדער האָפענונג, אַז דענאַציפיקאַציע און דעמאָקראַטישע איבערדערציאונג זאָלן גאָר מעגלעך זיין אין דייטשלאַנד אין דער נאָענטער צייט".

מיר האָבן בכיוון געבראַכט לענגערע ציטאַטן פון דעם צד, וואָס האָט בשעתו נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ציוניסטן פירן אַריבער דייטשע יידן קיין ישראל. היינט איז די אויסניכטערונג געקומען — און הלוואי זאָל זי לאַנג אָנהאַלטן.

מען דאַרף אָבער איצט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע פון דער סכנות צו ליקווידירן דעם גלות־דייטשלאַנד, טאָן אַלץ, כדי די דאָזיקע אַקציע זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. אויב אין משך פון איין יאָר איז געלונגען אַריבערצופירן פון דייטשלאַנד קיין ישראל 85% פון דער שארית הפליטה, איז דען נישט מעגלעך ביז סוף יאָר צו אָרגאַניזירן דעם אַרויספאָר פון נאָך 10%?

אינעם אָרגאַן פון מפ"ם אין דייטשלאַנד „דער מאָרגן", שרייבט ד. אַקראַנגלי אין אַ אַרטיקל „וועגן די ,בלייבערס' אין דייטשלאַנד":

„ס'וועלן בלייבן באַוווסטזיניק אין דייטשלאַנד עטלעכע טויזנט יידן, וואָס זענען צוגעבונדן צו זייער יידישקייט מיט „אַ קנופּ און אַ שלייף" — די שארית ה'צילינדער יידן, וועמענס גאָט ס'איז — געלט; זיי וועלן זייער „דאָיקייט" אַמאָל שטאַרק באַדוערן; זיי צו וועקן איז אַן אומזיסטע טירחה".

דער זעלבער „מאָרגן", אינעם לייט־אַרטיקל א. ג. „פאַרלאָזט דייטשלאַנד!" שרייבט:

„צוליב וואָס וואַרטן נאָך יידן היינט צו טאָג מיט זייער פאַרלאָזן דייטשלאַנד? מיט וואָס קען מען פאַרענטפערן דאָס אָפּלייגן די אויסוואַנדערונג? איז פאַראַן כאָטש איין ייד, וואָס זאָל וואָגן צו טראַכטן וועגן בלייבן אין דייטשלאַנד? ניין, און טויזנט מאָל ניין! ווייל אַלע פילן מיר און פאַרשטייען, אַז יעדער טאָג פון פרייוויליקן בלייבן אויף דער דאָזיקער ערד, הייסט — פאַרשוועכן דעם הייליקן אָנדענק פון אונדזערע נאָענטסטע און אויסשטעלן אויף אַ געפאַר זיך און די אייגענע קינדער. דאָס מיינט אויך אָפּצוזונדערן זיך אינגאַנצן פון יידישן פאָלק, אָדער וועלן קומען צום גרייטן אין דער גיך־בויענדער זיך יידישער מדינה. די טויערן פון ישראל זענען אָפן".

אויך דער אויפרוף פון דער סוכנות פאַרענדיקט זיך מיט אַ רוף:

„די טויערן פון פאָטערלאַנד זענען אָפן פאַר אייך! דאָס לאַנד רופט אייך צו עליה! זייט עולה!"

די באַרופענע אינסטאַנצן טוען אַלץ, כדי באַוועגן די פאַרזעסענע איז דייטשלאַנד יידן צו קומען אַהער. ס'איז דער הייליקער חוב פון די נייע עולים וואָס זענען געקומען פון דייטשלאַנד און פון די איינוווינער פון דער מדינה, וואָס האַלטן אָן קאָנטאַקט מיט די יידן דאָרטן, צו שרייבן און פאַרלאַנגען זייער קומען אין דער מדינה. אַ פערזענלעכער בריוו, אַ ווענדונג פון אַ חבר, אַ פריינד און קרוב, קענען אַ סך גורם זיין צו דעם, אַז יידן זאָלן פאַרלאָזן די דייטשע ערד און באַזעצן זיך אין מדינת ישראל.

זאָלן זיי געדענקען, וואָס איז געשען מיטן דייטשן יידנטום, וואָס האָט געהאַט אַ גרעסערן זכות, איידער די פרעמדע פון דייטשלאַנד לאַגער־יידן — און נישט קיין יחוס און נישט קיין געלט האָט זיי געהאָלפן, ווען די פאַשיסטישע חיה האָט זיך אויפגעכאַפּט.

(נ"וו ת"א, 11.11.49)

## ציפערן וועלכע דערמוטיקן און רופן אַרויס זאָרג

דער אינסטיטוט פאַר יידישע ענינים ביים יידישן וועלט קאָנגרעס אין ניו־יאָרק האָט ערשט נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט ציפערן וועגן דער איצטיקער צאָל יידן אין דער וועלט: 13 מיליאָן 887 טויזנט. שפּעטער האָט דער מלוכהשער סטאַטיסטישער אַמט אין ירושלים אָנגעגעבן דעם באַפעלקערונג־צושטאַנד אין ישראל צום 31סטן דעצעמבער 1965: 2,599,000 נפשות: דערפון 2,299,000 יידן און 300,000 נישט־יידן.

אויב פאַרגלייכן די צוויי אָנגאָבן מיט דער אַלגעמיינער צאָל יידן אין דער וועלט און אין ארץ־ישראל מיט 20 יאָר צוריק, נאָכן פאַרענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה, וועט עס ביי יעדן פון אונדז אַרויסרופן טרייסט און דערמוטיקונג. ווייל אין יאָר 1945, נאָך דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, ווען אַ דריטל פון אונדזער פאָלק איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים, איז געבליבן אַ שארית־הפליטה פון אַ 12 מיליאָן. דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל האָט קוים געהאַט דערגרייכט די צאָל פון 600 טויזנט. אויב נאָך צוויי צענדליק יאָר דערנענטערן מיר זיך צו די 14 מיליאָן אין אַלגעמיין־יידישן חשבון און צו קנאַפּע 2,5 מיליאָן אין דער יידישער מדינה — איז עס אַ באַווייז וויפל לעבנסזאַפטן דאָס שווער־געפּרוּווטע יידישע פאָלק פאַרמאָגט אין זיך און ווי ווייט עס זענען צונישט געוואָרן די היטלעריסטישע פּלענער וועגן פאַרטיליקן דאָס גאַנצע פאָלק.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ פעלער בלויז אָנטציקן זיך מיט די צוויי אויבן דערמאָנטע סטאַטיסטיקעס, וועלכע זענען אָן און פאַר זיך פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט, אָן דעם געהעריקן אַנאַליז פונעם „יידישן באַשטאַנד" אין צענדליקער לענדער פון דער דיאַספּאָרע. ווייל אויך אין דעם פאַל שטעלט זיך די אַלטע פראַגע: אויב ס'איז אַזוי גוט (14 מיליאָן און 2,5 מיליאָן) — טאָ פאַר וואָס איז אַזוי שלעכט? פאַר וואָס זענען ביי אַ 12 מיליאָן יידן נאָך אַלץ צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע קאָנטינענטן?

די פראַגע איז נישט נאָר אַ „ציוניסטישע", נאָר פאַר אַלעמען — אַ נאַציאָנאַלע, און נישט ווינציקער — אָן אינדיווידועלע פאַר יענע יידן, וואָס געפינען זיך נאָך אין די גלות־לענדער, אָדער ווי זיי ווילט זיך אָנרופן — אין די תפוצות. די פראַגע ווערט נאָך שאַרפער און מאָנענדיקער, אויב צו איר צוגעבן דעם פאַקט, אַז פאַר די 17 יאָר עקזיסטענץ פון דער מדינה, האָבן אַ 120 טויזנט יורד געווען פון ישראל אין אַנדערע לענדער.

☆

מיט וואָס און אויף וויפל האָט זיך געענדערט „דער ייד דער אייביקער וואַנדערער" זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה? אמת, ישראל האָט איינגעזאַמלט העכער אַ מיליאָן יידן פון אַ הונדערט לענדער, אָבער די צאָל לענדער מיט גרויסע, קלענערע און גאָר פּיצינקע יידישע ישובים איז נישט געוואָרן איינגעשרומפּן. די יידישע צעשפּרייטקייט איז געבליבן כמעט אומפאַרענדערט, הגם יעדע יידישע קאָנצענטראַציע האָט אַדורכגעמאַכט וועזנטלעכע ענדערונגען. היינט וועט מען אין שפּאַניע גיכער טרעפן אַן אָרגאַניזירט יידיש לעבן ווי פאַר דער מלחמה און מע ווייסט אויך צו דערציילן, אַז די קאָנסולאַר־אָפּטיילונג פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין תל־אָביב איז פאַרוואָרפן מיט אַ סך ביטעס אויף צו דערלויבן צו עמיגרירן פון ישראל קיין מערב־דייטשלאַנד, הגם נאָך פאַרן אָנקניפּן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישןביידע לענדער, איז די צאָל יורדים קיין מינכען, בערלין, פראַנקפורט און שטוטגאַרט כסדר געשטיגן.

דער וואַנדער־שטאָק אין האַנט ביי צענדליקער און הונדערטער טויזנט יידן אין דער גאַרער וועלט איז נאָך אַלץ נישט פאַרשוווּנדן. נעמט, צום ביישפּיל, קובאַ: פון 11 טויזנט יידן ביז דער קאַסטראָ־רעוואָלוציע, זענען היינט פאַרבליבן אַ טויזנט זעקס הונדערט. און יש אומרים, אַז אַ גרויסער טייל פון זיי וואָלט זיך גערן געלאָזט אויף נע־ונד. דערפון איז נישט צו דרינגען, אַז די יידישע מינדערהייט האָט פּאָליטיש זיך אידענטיפיצירט מיטן קאָרומפּירטן רעזשים פון דיקטאַטאָר באַטיסטאַ — אָבער יעטוועדע סאָציאַלע אויפטרייסלונג טרעפט קודם כל אין די יידן. אָבער וויפל פון די קנאַפּע 10 טויזנט קובאַנישע יידן זענען געקומען קיין ישראל? דער ענטפער וועט זיין דער זעלבער וואָס שייך די יידן אין אַלזשיריע. אויך דאָרט איז פאָרגעקומען אַ נאַציאָנאַלע איבערקערעניש — נאָר דער רוב מנין ובנין פון די אַלזשירישע יידן האָט איבערגע־וואַנדערט קיין פראַנקרייך.

☆

בנוגע עליה אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה, זענען די צוויי גרעסטע צענטערס פון יידן — די פאַר. שטאַטן מיט העכער 5,5 מיליאָן און דער ראַטנפאַרבאַנד מיט 3 מיליאָן — ענלעך צו מעכטיקע רעזערוואַרן, נאָר פאַרשטאָפּטע פאַר אונדז. פון אַמעריקע זענען די יידן פריי צו קומען קיין ישראל — קומען זיי נישט; פון רוסלאַנד זענען זיי באַגרענעצט און פאַרבאָטן עולה צו זיין — קומען זיי דאָך אוודאי נישט. אין מזרח־אייראָפּע, ווו פון רוב סאָציאַליסטישע מדינות איז דערלויבט אַן עלייה — האָט זי נאָך נישט אָנגענומען דעם געוווּנט־שענעם פאַרנעם. און פון בעלגיע מיט אירע 35 טויזנט יידן, פון פראַנקרייך מיט די 350 טויזנט יידן און גרויסבריטאַניע מיט די 450 טויזנט, קומען יידן קיין ישראל — טראָפּנווייז. מיר הערן נישט לעצטנס וועגן עולים פון גריכנלאַנד (מיט אירע 7 טויזנט יידן), איטאַליע (30 טויזנט), האָלאַנד (25 טויזנט), איראַן (80 טויזנט), טערקיי (40 טויזנט), אינדיע (30 טויזנט), אַפגאַניסטאַן (5 טויזנט).

און וואָס איז מכוח די 105 טויזנט יידן אין דער דרום־אַפריקאַנער רעפּובליק? זיי זיצן דאָך באמת אויף אַ ווולקאַן, צווישן האַמער און קאָוואַדלע. אַן ענלעכע פראַגע קאָן מען שטעלן די 180 טויזנט יידן אין מאַראָקאָ, די 55 טויזנט אין טוניס, די 7 טויזנט אין מצרים, די 32 טויזנט אין סיריע, די 5 טויזנט אין תימן און די 7 טויזנט אין לבנון.

און וואָס ווייסן מיר וועגן אַזעלכע „פאַרלאָרענע שבטים" ווי די 26 טויזנט באַרג־יידן אין קאַווקאַז, די 37 טויזנט גרוזינישע יידן, אָדער די 21 טויזנט בוכאַרער יידן אין מיטלאַזיע?

אויב מיר ווענדן צו דער מאַפּע און סטאַטיסטיק פון יידישער צעשפּרייטקייט צוגעבן די 70 טויזנט יידן אין אויסטראַליע, 5 טויזנט אין אירלאַנד, 10 טויזנט אין קאָלאָמביע, 5 טויזנט אין דרום־ראָדעזיע, 31 טויזנט אין מערב־דייטשלאַנד, 100 טויזנט אין רומעניע, 25 טויזנט אין פוילן, טויזנט אין מזרח־דייטשלאַנד — וועט דאָס נאָך אַלץ נישט זיין קיין פולקאָם בילד פון

דער אַמתער לאַגע. פאַראַן נאָך צענדליקער לענדער ווו אונדזערע סטאַטיסטיקער זענען נישט אַריינגעדרונגען און האָבן נישט קיין אַנונג וועגן דער צאָל יידן דאָרטן.

פון אונדזער רשימה האָבן מיר ביז איצט אַרויסגענומען אַזעלכע גרויסע יידישע ישובים אין דרום־אַמעריקע, ווי אַרגענטינע (380 טויזנט), בראַזיל (130 טויזנט), אורוגווייַ (40 טויזנט), מעקסיקע (30 טויזנט) — ביז קאַנאַדע אין צפון (אַ פערטל מיליאָן!). אויב צוגעבן צו דער לאַנגער, און במילא לאַנגווייליקער רשימה די אַלע מקומות ווו יידן האָבן פאַראַנקערט, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז בסך־הכל 16 פּראָצענט וווינען אין דער יידישער מדינה און 84 פּראָצענט — אויסער איר. מיט אַנדערע ווערטער: נאָך 17 יאָר קיום פון ישראל, האָט זי נאָך נישט אין אירע גרענעצן אַפילו אַ פינפטל פונעם פאָלק.

☆

אַן אַלט יידיש ווערטל זאָגט: „אַז דער וואָרעם קריכט אַריין אינעם כריין, דוכט זיך אים אַז קיין זיסערס איז נישטאָ". און דער רוב פון די 12 מיליאָן צעשפּרייטע און צעזייטע אין דער וועלט יידן טראַכטן אַוודאי, אַז קיין בעסערס ווי זייער וווין־לאַנד — איז נישט פאַראַן. זיי גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז „דאָרט ווו ס'איז פאַראַן ברויט — דאָרט איז פאָטערלאַנד". דער פּרימיטיווער ייד אין קאַטשין צי אין דער פּערסישער „מעללא", באַזאַמען מיטן יידישן קאָמוניסט אין פּאַריז צי אין בוענאָס־איירעס, אידענטיפיצירן זיך אין זייער „גלות־אידעאָלאָגיע" מיטן אויפגעקומענעם יידישן גביר אין לאָנדאָן, מיטן אַלרייטניק אין ניו־יאָרק, צי מיטן פּעדלער אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ. זייער ליבע, אָדער סימפּאַטיע צו ישראל, איז אַן עמאָציאָנעלע, אַפילו אויך — אַ „פינאַנסיעלע", ווייל מען שטיצט זי דורכן מגבית — אָבער ביזן קומען אַהער איז נאָך זייער ווייט. זיי האַלטן גאָרנישט, אַז מען ריכט אַפּ גלות. פאַרקערט, זיי האָבן זיך אַוודאי צוגעאייגנט שלום־עליכמס זאָג „מיר איז גוט — כ'בין אַ יתום". די יידן אין די תפוצות זענען דאָך באמת פאַריתומט פון אַן אייגן לאַנד און היים, נאָר זיי האַלטן אַז ס'איז גוט אַזוי. והראיה — 16 פּראָצענט דאָ — און 84 פּראָצענט דאָרט.

ס'וואָלט געווען אַן אומזין צו פאָדערן, אַז די 84 פּראָצענט, זאָלן מיט איין מאָל זיך אַריבערפּעקלען אַהער. נישט זיי טראַכטן וועגן דעם און ישראל איז נישט מסוגל אַריינצונעמען אין אירע גרענעצן די 14 מיליאָן. נאָר דער טעמפּאָ פונעם וווקס פון דער צאָל יידן אין דער וועלט, אַנטשפּרעכט נישט דעם טעמפּאָ פונעם וווקס פון דער צאָל יידן אין לאַנד. דער פּראָצענט־זאַץ ישראל־בירגער כלפּי דעם אַלגעמיינעם יידישן ציפער האַלט אין איין שטייגן, אָבער צו פּאַמעלעך און נישט אין איינקלאַנג מיט די נאַציאָנאַלע באַדערפענישן און אויפגאַבן פון פאָלק.

נאָר ווי אַזוי צואיילן דעם פּראָצעס; ווי אַזוי נישט דערלאָזן צו אַ נאָך גרעסערער צעשפּרייט־קייט פון יידן אין פאַרשיידענע לענדער; ווי אַזוי שנעלער און עפעקטיווער איינזאַמלען און צונויפשמעלצן גלותן אין דער יידישער מדינה — איז אַן ענין פון דער אַלוועלטלעכער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע און פון דער ישראל־רעגירונג. נאָר דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר אַ באַזונדער אַרטיקל.

(י"ש ת"א, 9.2.66)

## פאַרט אַ ייד... פון ארץ־ישראל

אויף דער שיף „איסטאַנבול", 6־טער יאַנואַר 1965.

די ידיעות וועגן אַ 2000 עולים פון אַמעריקע אין לעצטן יאָר, פון אַ 750 פון ענגלאַנד, הונדערטער פון אַרגענטינע אין משך פון געציילטע חדשים, און באַזונדערס די עליה פון אַזעלכע לענדער, וועמענס נעמען ס'איז געזינטער נישט צו דערמאָנען — רופן אַרויס פרייד ביי יעדן ישראל־בירגער. דאָס אַמאָליקע פאָלקסלידל „פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל" האָט

באַקומען דעם אמתן תיקון... מיט שיפן און עראָפּלאַנען קומען אין לאַנד עולים און טוריסטן, באַזוכער ביי קרובים און ייִדן־,,מרגלים״, וואָס ווילן זיך פריער אַרומקוקן, איידער מע באַזעצט זיך דאָ.

גענוג אָבער צו געפינען זיך אויף אַ שיף וועלכע האָט פאַרלאָזט דעם חיפהער פּאָרט — און דערזעעסט, אַז דאָס געפּאַרעריי איז אויך אין דער פאַרקערטער ריכטונג. מע פאָרט... פון ארץ־ישראל. צי אַלס טוריסט קיין אייראָפּע, צי צו אַ קרוב קיין אַמעריקע, אָדער אין שליחות פון דער סוכנות, רעגירונג צי אינסטיטוציעס. און צווישן די פאָרערס — פאַראַן אויך ,,יורדים״.

וועגן אייניקע באַגעגענישן, געשפּרעכן און איינדרוקן מיט די וועלכע האָבן נאָך אַלץ נישט רעזיגנירט פונעם ייִדישן נע־ונד, וויל איך דערציילן אין מיין איצטיקן אַרטיקל פון וועג.

☆

אַ ,,יורד״ צו אַ ,,יורד״ איז נישט גלייך. יעדער פון זיי האָט זיך זיין סיפּור־המעשה, זיין באַגרינדונג, תירוץ צי פאַרענטפער (אויב דאָס געוויסן איז אומרויִק און ער פילט בכלל אַ באַדערפעניש צו פאַרענטפערן זיך). מיט 12 יאָר צוריק האָב איך אויך אויף דער שיף געטראָפן אַ משפחה וואָס האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד צוליב... אַן עפּעלע! דער פאָטער, אגב מיינער אַ בן־עיר, וועלכער האָט נאָך אין דער אַלטער היים נישט תמיד געוווּסט וואָס ס׳איז אַזוינס אַ שטיקל ברויט צו דער זעט און געליטן הונגער אין די מלחמה־יאָרן, איז נישט גרייט געווען משלים צו זיין מיטן ,,צנע״־רעזשים אין ישראל אין די יאָרן 1950—1954. ,,אַז מיין קינד זאָל נישט האָבן קיין עפּעלע צו עסן — וויל איך נישט זיין אין אַזאַ לאַנד״ — האָט ער זיך געהיצט. און דאָס לאַנד פאַרלאָזט.

איצט האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ גאַר אַנדערן סאָרט ,,יורדים״. נישט דער מאָגן האָט זיי באַוויגן צו שיידן זיך מיט ישראל, נאָר גאַנץ אַנדערע סיבות.

אַט ליגט אויף דער באַנק וואָס אויפן דעק, אויסגעצויגן אַ פרוי און קרעכצט. נעבן איר זיצט פאַרוויינט אַ 15־יאָריק מיידל. מאַמע און טאָכטער. מ׳האָט נאָך נישט געהאַט פאַרלאָזט די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון ישראל — און שוין האָט זיי פאַרכאַפּט די ים־קראַנקייט. שווער צו זאָגן צי פון איבערלעבונג, צי פון איינרעדעניש. דער ים איז דאָך אַזוי רויִק, די זון — אַזוי וואַרעם־ישראלדיק. פונדעסטוועגן איז דער אָנהייב פון דער רייזע געווען פאַטאַל פאַר ביידע.

די קרעכצנדיקע מאַמע שטעלט אָפּ מיין פרוי און פרעגט זי, צי מיר האָבן נישט צופעליק עפּעס אַ מיטל קעגן דער קראַנקייט. זי באַקומט אַ פּיל, שלינגט אים אַראָפּ און באַקומט איך... לשון:

— איך פאַרלאָז איצט ישראל. מיט 8 חדשים צוריק זענען מיין מאַן, איך און צוויי קינדער עולה געווען פון אַרגענטינע, הגם מיר זענען גוט געווען איינגעאָרדנט אין בוענאָס־איירעס. פון דער שיף אין חיפה האָט מען אונדז געשיקט אין אַ שיכון, נישט ווייט פון תל־אביב.

זי ווייזט מיטן פינגער אויפן מיידל:

— איר קוקט אָן דאָס קינד. אין אַרגענטינע האָט זי געלערנט אין שול, מיט אַלעמען גלייך. געווען איינע פון די בעסטע שילערינס. בלויז אין ישראל האָט מען זי געפּסלט. זי קען לערנען, נאָר אין אַ ספּעציעלער שול, אין אַ ,,מוסד״, ווי זיי האָבן עס אָנגערופן. און אַלץ דערפאַר, וואָס אייניקע פינגער פון אירע הענט זענען איינגעדאַרט, פאַרטרוקנט. אמת, דאָס קינד האָט נישט קיין גלייכע הענט, אָבער דער קאָפּ אַרבעט ביי איר אויסגעצייכנט. איך האָב געוויזן אירע צייגנישן דעם תל־אביבער שול־דאָקטער און די לערערס. זייער טענה איז געווען, אַז די סאַבּרעס וועלן דעם קינד דערגיין די יאָרן צוליב אירע דעפאָרמירטע הענט. זי וועט דערפון אַ סך ליידן. גלייכער זי שיקן אין אַ מוסד. איך, אַלס מאַמע, בין שוין מסכים געווען אויף דעם בזיון — און כ׳האַלט עס פאַר אַ בזיון. נאָר מיין מאַן האָט נישט געוואָלט דערפון הערן. ער האָט געטענהט, אַז ס׳איז אומדערהערט איבערשיקן אַ נאָרמאַל, געזונט און שכלדיק־אַנטוויקלט קינד אין אַ שול

פאַר דעפעקטיווע צי אָפּגעשטאַנענע קינדער. דער פאַל האָט אים דערשיטערט. זיין באַשלוס איז געווען: מיר פאַרלאָזן ישראל. ער איז שוין צוריק געפאָרן מיט איין קינד, כדי דאָרט אָנהייבן פונדאַסניי. איצט פאָר איך מיט דער טאָכטער. גלויבט מיר, אַז כ׳האָב געוואָלט בלייבן אין לאַנד, ס׳איז מיר אַלץ געפעלן. נאָר די האַנדלונג כלפּי דעם קינד האָט אַנטשיידעט.

די טאָכטער־„קאַליקע" באַשטעטיקט דער מאַמעס רייד אין אַ גוטן עברית און ניט־שלעכטן ייִדיש. מע פילט באַשיינפּערלעך, אַז די מעשה איז נישט קיין אויסגעטראַכטע. אויך דעם קינד טוט דאָס וויי.

און מיר טוט וויי, הלמאי אַ ייִדישע משפּחה פון אַרגענטינע דאַרף נאָך 8 חדשים עולה זיין — פאַרלאָזן דאָס לאַנד. כ׳וואָלט געוועזן אַ בעלן צו הערן די טענות פונעם שול־דאָקטער און לערערס. מעגלעך, אַז פון פּעדאַגאָגישן, פּסיכאָלאָגישן צי סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט — זענען זיי גערעכט. נאָר איין אַרגומענט זייערן איז זיכער נישט אָוועקצומאַכן מיטן האַנט: אַז די סאַברעס וואָלטן אין קלאַס און אויפן שול־הויף דערגאַנגען דעם מיידל די יאָרן...

☆

אַ משפּחה פון זעקס נפשות: טאַטע־מאַמע מיט פיר פּיצלעך קינדער — 6, 5, 4 און אַ 3 יאָר אַלט. די עלטערן זיצן אַ גאַנצן טאָג אין באַר, פּוסט־און־פּאַסטעווען. אַז זיי פאַרנעמען זיך שוין יאָ מיט עפּעס — איז קאָרטנשפּיל, ער מיט איר, זי מיט אים. די קינדער „דערציִען זיך" אַליין, אָן דער מינדעסטער אַריינמישונג פון די עלטערן. אויך דעם קליינוואָרג גייען נישט־אָן די טאַטע־מאַמע. פון צייט־צו־צייט צעזינגען זיך די קינדער מיט אַ „הבה נגילה", צי „הבאנו שלום עליכם". אַ סברה, אַז זיי אָטעמען נאָך מיט ישראל.

די עלטערן זאָגן נישט קיינעמען פאַרוואָס זיי שלעפּן זיך איצט אויף דער שיף. דערפאַר ווייסן אָבער אַנדערע פּאַסאַזשירן צו דערציילן, אַז דאָס איז אַ משפּחה פון „יורדים". אַ יאָר דריי אָפּגעווען אין לאַנד, אַפילו זיך גוט איינגעאָרדנט. נאָר זייערע קרובים אין מאַרסיי, וועלכע זענען מיט 2 יאָר צוריק געקומען פון אַלזשיריע, ווילן אויך „איחוד המשפחות", פאַראייניקן זיך מיט דער פאַמיליע, — נאָר אין פראַנקרייך.

די מאַרסייער קרובים האָבן נישט נאָר אַליין פאַרביטן גלות אויף גלות, זיי איז אויך געלונגען איבערצוצייגן אַ ישראל־משפּחה זי זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד און זיך אַריבערקלייבן קיין פראַנקרייך. בלאָנקען זיך אַרום 4 ייִדישע קינדערלעך אויף דער שיף, אָן פאָטער־און־מוטער השגחה. זיי, די עלטערן, האָבן נישט נאָר אויף איצט, נאָר אויך אויף דער צוקונפט זיך באַפרייט פון יעטוועדער זאָרג און אחריות פאַרן גורל פון די פיר שוואַלבן...

☆

נאָך אַ באַגעגעניש אויף דער שיף. נישט מיט קיין „יורד׳טע", נאָר טענות פון דער קאַטעגאָריע מענטשן האָט זי יאָ. אָבער פאַר דעם — אַ מעשה מיט אַ כשרער קיך אויף אַ טערקישער שיף.

אַז ישמעאל וויל האָבן אויף זיינע שיפן ייִדישע פּאַסאַזשירן — מוז ער פירן אַ באַזונדערע קיך פאַר כשר־עסערס. שוין ביים אַרויפגיין אויפן שיף, פרעגט דיך דער טערקישער אָפיציר: „קאַשער?" — און דער וואָס גיט אַ פּאָזיטיוון ענטפער, באַקומט אויפן אָרט אַ בלאָ צעטל פונעם משגיח, אַ ייִד פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, וועלכער האָט אַדורכגעמאַכט און איבערגעלעבט אוישוויץ.

פון די בערך 200 פּאַסאַזשירן, האָבן אַ 20 זיך פאַרשריבן צו געניסן פון דער כשרער קיך. בסך־הכל אַ 4 צי 5 מענער האָבן געטראָגן אויפן קאָפּ אַ היטל בעתן עסן. די אַנדערע זענען געזעסן בגילוי־ראש און געגעסן פון די כשרע מאכלים. און צווישן די כשר־עסערס — די 29־יאָריקע קאַראָל, אַ סימפּאַטישע פראַנצויזין, וואָס האָט געאַרבעט אַלס ספּעציאַליסטן אין באר־שבע אין אַ פאַבריק, וועלכע די פראַנצויזן האָבן פאַר אונדז אויפגעשטעלט. פריער האָט

די פירמע זי געשיקט מיט אַן ענלעכע שליחות קיין דייטשלאַנד. זי שטאַמט פון ברעטאַניע, אַ פישער־פּראָווינץ אין מערב־פראַנקרייך, ווו די מענטשן זענען ערלעכע, פּשוטע אַרבעטזאַמע. און די אַלע מידות האָט זי מיטגעבראַכט אין דער הויפּטשטאָט פון נגב.

זי פאָרט איצט צוריק פון ישראל מיט אַ זייער שלעכטן איינדרוק צוליב אַ דערשיינונג, אויף וועלכער זי האָט זיך אָנגעשטויסן אין לאַנד, נאָר איז אינגאַנצן פרעמד און דערווידער איר מענטאַליטעט און וועלט־באַנעם. אויף דער פאַבריק, ווו זי האָט פריער באַדאַרפט איינשטעלן די מאַשינען און שפּעטער אויסשולן די אַרבעטער — האָט מען זיך צו איר באַצויגן מיט אַ סך דרך־ארץ און כבוד, דאַקעגן אינעם ווױן־קוואַרטאַל האָבן די שכנים און זייערע קינדער זיך דערוווּסט וועגן איר „גוי׳ישקייט״ — און מ׳איז איר דערגאַנגען די יאָרן אויף שריט און טריט. קיין אַנדערן נאָמען ווי „גוייע״ האָט זי דאָרט נישט געהאַט.

און קאַראַל גיט צו מיט הומאָר:

— כ׳האָב זיך געפילט גליקלעך, אַז איינמאָל האָבן די קינדער מיר נאָכגעשריען „וואָס־וואָס״. ס׳איז פאָרט נישט אַזוי שרעקלעך ווי „גאַיאַ...״. מיר איז לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן!

דאַקעגן מיר איז שווער געוואָרן אויפן האַרץ פון דער גאַנצער דערציילונג. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז די פראַנצויזין קאַראַל איז אַ קרבן נישט נאָר פון עם־הארצות און אומטאָלעראַנץ, נאָר צאָלט אויך דעם פּרייז פון דער ווילדער העצע, וועלכע איז פונאַנדערגעפלאַקערט געוואָרן אין לאַנד דורך פּרומאַקישע און נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן...

(י״ש ת״א, 20.1.65)

# אין געזאַלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן

דעם „קאַפּ״ האָב איך זיך אויסגעבאָרגט פון ש. אַנסקי׳ס ליד, מיטן זעלבן נאָמען, וואָס איז זייער און זייער צוגעפּאַסט צו עטלעכע דערציילונגען פון מענטשן אומבאַקאַנטע, ווייטע און פרעמדע, וואָס נאָר אויף דער שיף (צי, להבדיל — אין אַ תפיסה) עפענען זיי האַרץ און מויל, כדי דערציילן וואָס דריקט אויף זיי, וואָס טוט וויי, אָדער — פּרווון זיך פאַרענטפערן, הלמאי זיי פאָרן איצט, אין יאַנואַר 1965, פון דער זוניקער און וואַרעמער ישראל, אין דער קאַלטער, פאַרשנייעטער אייראָפּע, צי אַמעריקע.

געזאַלצן איז דער מיטללענדישער ים, אויף וועלכן עס טראָגט זיך אונדזער שיף, און — געזאַלצן זענען די טרערן, וועלכע מענטשן לאָזן דאָ פאַלן אויפן דעק, אין באַר, אין די קאַבינעס. זייער רינען אָפּט איבער די באַקן, ווערן אָמאָל דיסקרעט אָפּגעווישט, אָדער פאַרטרוקנט אויפן פּנים. נאָר אָפילו פאַרשוווּנדענערהייט, פאַרפולן זיי נאָך אַלץ דעם ייִדישן בעכער פון ליידן און פּיין.

זאָל דער־אַ טרויעריקער אַריינפיר נישט דערוועקן ביים לייענער דאָס געפיל, אַז אויף דער שיף איז טאַקע אַלץ מרה־שחורהדיק, פאַרוויינט און אומעטיק. אין אַלגעמיין הערשט דאָ הייטערקייט, פריילעכקייט, זאָרגלאָזיקייט. דער ים איז רואיק; דער באָר פון דער שיף איז פול, מע זופּט אַ גלעזל משקה, מע טרינקט אַ קאַפע צי אַ „קאָקאַ קאָלאַ״, אַ טייל פון עולם שפּילט אַ קערטל. אַ שיף איז אויך אַ שווימענדיקער האָטעל, צי פּענסיאָן, מע וויל זיך דאָ אויסרוען און פאַרברענגען. אויסערלעך קען זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז ביי די פּאַסאַזשירן איז אַלץ אין בעסטן אָרדענונג. ווי זאָגט מען ביי יידן — „אגיל ואשמח״ — ביז ווער פון די מיטרייזנדע לאָזט צורו דעם קאָנווענציאָנעלן אָרט ריידן און נעמט דערציילן זיין איבערלעבונג... דעמאָלט ווערט בטל בשישים די מיינונג, אַז וואָס ס׳וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט ר׳ ישראל...

ר׳ ישראל אויף דער שיף האָט זיך זיין פּעקל צרות — און צווישן הימל און וואַסער איז

אזא מענטש גרייט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. און ס'איז גענוג צו הערן די ערשטע 100—200 ווערטער, און שוין ווערסטו מיטגעריסן מיטן סיפּור־המעשה, ביסט גרייט צו הערן און הערן.

☆

צו אונדזער גרופּע (איך, מיין פרוי און קוזינע), זעצט זיך צו אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אַ מאַגערע, מיט קענטיקע סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט. די העל־בלויע אויגן לויפן אומרואיק, עס פילט זיך ביי איר אַ נערוועזיטעט, וואָס האַלט אין איין שטייגן בעת דער דערציילונג. מיר לאָזן איר זיך אויסריידן:

— איך שטאַם פון אונגאַרן. אין סוף 1944, אין עלטער פון 24 יאָר, האָב איך זיך געפונען אין בודאַפּעסט, אונטער דער הערשאַפט פון מערדער אייכמאַן. דערנאָך — אוישוויץ, די באַפרייאונג. כ'פאָר אַריבער קיין דייטשלאַנד מיט אַ טראַנספּאָרט דערשעפּטע און קראַנקע. כ'ליג אין שפּיטאָל אין מינכען. מע קומט צוריק צו די כוחות. אַ ייִדישער דאָקטער פון לאָנדאָן, אַ געבוירענער אין דייטשלאַנד, אָרדינירט אין דעם שפּיטאָל. ער פאַרליבט זיך אין מיר. כ'בין גרייט מיט אים הייראַטן, נאָר מיטן באַדינג צו באַזעצן זיך אין ישראל. ער איז מסכים. אין 1946 וווינען מיר שוין אין ירושלים. דאָ ווערט געבוירן אונדזער טאָכטער. אין 1948, בעת דער באַלאַגערונג, ווער איך פאַרוואונדעט. כ'האָב דעמאָלט געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער אין דער אַרמיי. אַז די קאַמפן האָבן זיך געענדיקט, האָט מיין מאַן מיך פאַרלאָזט. ער איז צוריק געפאָרן קיין לאָנדאָן — און איך בין געבליבן מיט אַ 2־יאָריק קינד...

די דערציילונג ווערט איבערגעריסן, די דערציילערין דאַרף אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אויסווישן די פייכט־געוואָרענע אויגן, זיך באַרואיקן.

— אַז דאָס קינד איז אַלט געוואָרן 5 יאָר, האָט זיך מיר געמאַכט אַ געלעגנהייט צו הייראַטן, נאָר דער מאַן האָט נישט געוואָלט האָבן ביי זיך מיין מיידעלע. בלית־ברירה — זי אויפגעגעבן אין אַן אַנשטאַלט. כ'האָב ווידער חתונה־געהאַט.

אַ פּויזע, מיט אַ שווערן זיפץ:

— אוי, מיין מאַן נעבעך, געבליבן אַליין אין תל־אביב...

אויס בלויזער העפלעכקייט, כדי נישט זיין אַ שטומער צוהערער, פּרוביר איך זי באַרואיקן:

— אין תל־אביב וווינען אַ 300,000 איינוווינער, כמעט אַלע ייִדן. ער איז נישט דאָרט אַליין.

— ער איז אָבער אַליין מיט זיינע צרות און איבערלעבונגען. דאָ וועט אים קיינער נישט העלפן. נאָך 12 יאָר צוזאַמענלעבן מיט אים, איז אונדז מיט 7 חדשים צוריק געבוירן געוואָרן אַ קינד. נאָר אַ טויטס. ער האָט זיך שטאַרק דערמיט איבערגענומען. מעגלעך דערפאַר, ווייל ער איז נאָכן חורבן געבליבן איינער אַליין פון אַ פאַרצווייגטער משפּחה. זיין טרוים און האָפענונג איז געווען — אַ קינד. איך האָב דאָך פאָרט אַ טאָכטער. שוין 12 יאָר ווי כ'האָב זי נישט געזען. איצט פאָר איך צו איר, זי האָט מיך פאַרבעטן צו זיך.

די פרוי ווערט נערוועישער, זי וויל פאַרויכערן אַ סיגאַרעט — נאָך דאָס שוועבעלע צינדט זיך נישט אָן. זי וואַרפט אַ צעשטרייטן בליק אויפן ים, הייבט אָן ריידן צו זיך: „וואַסער, וואַסער, אַזויפיל וואַסער״ — און כאַפּט זיך צוריק.

— יאָ, מיין טאָכטער. מיט 14 יאָר צוריק האָב איך זי אָפּגעגעבן אין אַ מוסד. איך ווייס נישט ווי אַזוי און ווען דער פאָטער פון קינד האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, געקומען פון לאָנדאָן און דערלאַנגט אין געריכט אַן אַנקלאַגע קעגן מיר, אַז כ'בין נישט מסוגל צו זיכערן דעם קינד אַ היים. והראיה — כ'ווין נישט צוזאַמען מיט דער טאָכטער, זי איבערגעגעבן אין פרעמדע הענט. ס'איז אים נישט שווער אָנגעקומען איבערצוצייגן דעם ריכטער. כ'בין געבליבן מיטן צווייטן מאַן — נאָר פאַרלוירן דאָס ערשטע און איינציקע קינד. זי איז מיטן פאָטער אַרויסגעפאָרן פון ישראל און פון זיי נישט געוווּסט יאָרן.

— האָט איר די גאַנצע צייט נישט געהערט פון דער טאָכטער? — פרעג איך פאַרזיכטיק.

— מיט 3 יאָר צוריק גאַנץ צופעליק זיך דערוווּסט, אַז זי געפינט זיך אין פּאַריז. דאָרט פאַרפולקאָמט זי איר באַלעט־לערע פון לאָנדאָן און „שניידט זיך" אויף אַ גרויסער באַלעט־מייסטערין. זי איז נישט נאָר שיין, געראָטן, קלוג, סובטעל און געבילדעט — נאָר איז אויסגעוואַקסן צו אַ פּרימאַ־באַלערינע, וועמענס נאָמען לייכט אַראָפּ מיט קידוש־לבנה אותיות פון פּלאַקאַטן אין ניו־יאָרק, לאָנדאָן, רוים, פּאַריז, ציריך און בערלין. איצט גאַסטראָלירט זי אין דער וועלט־באַרימטער אָפּערע אין מילאַנאָ, פונוואַנען כ׳האָב מיט עטלעכע וואָכן צוריק באַקומען פון איר אַ בריוו מיטן אויסדריקלעכן פאַרלאַנג צו זען זיך. דער בריוו איז געשריבן אויף דעם אָפיציעלן בלאַנקעט פונעם מילאַנער אָפּערע־הויז. אויף וויפל די איינלאַדונג קיין איטאַליע האָט ביי מיר אַרויסגערופן טיפע אויפטרייסלונגען און שטאַרקע עמאָציעס, אַזוי האָט זי פאַטאַל געווירקט אויף מיין מאַן. פאַרגעסט נישט, אַז ער איז נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך דעם אומגליקלעכן געבורט־פּאַל. און דאָס וויכטיקסטע — — — —

די דערציילערין פאַרהוסט זיך, לאָזט פאַרשעמט אַראָפּ די אויגן און זאָגט זייער שטיל:

— איך שוואַנגער ווידער, שוין אין דריטן חודש. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַזאַ ווייטער רייזע און פאַר דער איבערלעבונג פון טרעפן זיך מיט דער טאָכטער נאָך אַזוי פיל יאָרן פון צעשיידונג. מיין מאַן האָט מיר נישט געקענט פאַרווערן די איצטיקע נסיעה, אָבער זיין פון איר אַנטציקט — אַוודאי און אַוודאי נישט...

✡

דער סיפור־המעשה ווערט איבערגעריסן. אַלע פיר ווערט שווער אויפן האַרץ. קיינער רעדט נישט קיין וואָרט. מיר וואַרטן אויפן המשך פון דער דערציילונג. לאַנג וואַרטן דאַרף מען נישט...

— מיין טאָכטער שרייבט, אַז איך זאָל דורכויס קומען, זי וויל מיך זען. זי האָט טאַקע גרויס דערפאָלג, אַפילו ערשט נישט לאַנג אויפגעטרעטן פאַר דער בעלגישער קעניגין פאַביאָלאַ. נאָר עס בענקט זיך איר נאָך מוטערלעכער צערטלעכקייט, נאָך אַ האַרציק וואָרט פון דער מאַמען...

פון דער ייִדישער מאַמעס אויגן קייקלען זיך ווידער טרערן. זי נעמט אַרויס פון טאַש אַ בילד, נאָר די הענט ציטערן, די פּאַטאָ פּאַלט אַראָפּ אויף דער ערד. זי הייבט שנעל אויף דאָס בילד, גיט עס אַ קוש, ווי אַ פרומער ייִד אַ סידורל וואָס האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט — און זאָגט מיט שטאָלץ:

— אָט איז זי, מיין קינד...

מיר באַוווּנדערן דעם קאָנצענטרירטן אויסדרוק פון פּנים, פול מיט עקספּרעסיע. די גאַנצע פיגור — גלייך זי וואָלט נאָך אַלץ געשוועבט אין טשייקאָווסקיס „שוואַנען־אָזיערע", צי אין איינעם פון די באַלעט־סויטעס פון סען־סאַן. דאָס בילד האָט די טאָכטער צוגעשיקט דער מאַמען, ווען זי איז אין דער „אַקציע", בעת איינעם פון אירע אויפטריטן. מע דאַרף נישט זיין קיין גרויסער מבין אויף באַלעט, כדי גלייך אָפּשאַצן, אַז דאָס דאָזיקע 19־יאָריקע מיידל איז אַ רייפע, פולבלוטיקע קינסטלערין.

איבעריקנס, מ׳דאַרף נישט לאַנג וואַרטן אויף צו באַשטעטיקן די דאָזיקע השערה. מיין קוזינע, איבערלייענענדיק דעם נאָמען פון דער דעדיקירטער אונטערשריפט, האָט אַרויסגעלאָזט אַ דערשטוינטן געשריי:

— אוי, דאָס איז דאָך... — — — כ׳האָב זי מיט אַ יאָר צוריק געזען אין דער פּאַריזער אָפּערע. מ׳האָט דעמאָלט נישט געקענט באַקומען קיין בילעט. זי איז דאָך איינע פון די גרעסטע פּרימאַ־באַלערינעס. די קריטיק האָט נישט געהאַט פאַר איר גענוג לויבווערטער. איז דאָס אייער טאָכטער? פאַר איך מיט דער מאַמען פון... ?

און די מאַמע פון דער וועלט־באַרימטער באַלעט־מייסטערין צעוויינט זיך ווידער. איר טרערן־קוואַל איז נאָך נישט אויסגעטרוקנט. זי איז שטאָלץ פון דעם, וואָס אירע רייד באַשטעטיקן

זיך („איר זעט, אַז כ׳האָב אייך נישט גענאַרט״; „איצט ווייסט איר שוין ווער מיין טאָכטער איז?״ „אוי גאָט, פאַרוואָס אַזאַ גליק און אומגליק?!״).

מיט די לעצטע ווערטער, שטעלן מיר אויף איר אַן אונדזערע פרעגערישע בליקן. איך חזר אַפילו איבער אירע ווערטער:

— פאַרוואָס גליק, פאַרשטיי איך נאָך. אָבער אומגליק — ווי אַזוי?

— איר פאַרשטייט, אַדוני, מיין טאָכטער שרייבט מיר אין בריוו אַ מין אָנצוהערעניש, אַז אפשר וועט זי מיך ווידער צונויפברענגען מיטן פאָטער. הלמאי זאָל די משפחה זיין צעשיידט? און דאָ הייבט זיך אָן מיין אומגליק. מיטן ערשטן מאַן האָב איך געלעבט בלויז 2 יאָר, עס בינדט מיך נישט מיט אים קיין סך, אויסער דעם, וואָס ער איז דער פאָטער פון אונדזער קינד. מיין צווייטן מאַן האָב איך ליב, ער מיך — אויך, מיר זענען צוזאַמען שוין איבער 13 יאָר. און איצט טראָג איך אין זיך אַ קינד פון אים. היינט שטעלט זיך פאַר מיין באַגעגעניש מיט דער טאָכטער? וואָס האָב איך פאַר איר געטאָן? דאַרף דען אַ מאַמע אַזוי האַנדלען לגבי אַ קינד, אַפילו פאַרן פרייז פון איר אייגן גליק? נאָך צוויי טעג — און כ׳וועל זען מיין קינד. ווי אַזוי וועט זי מיך אויפנעמען? ווי וועט זיך אויפוויקלען דער פּלאָנטער?

☆

מיר וואָגן נישט ענטפערן דער גליקלעך־אומגליקלעכער פרוי אויף אירע פראַגן. צופעליק דאַרפן מיר אויסשטייגן אין נעאַפּאָל, צוזאַמען מיט איר. מעגלעך, אַז מיר וועלן זיין עדות אין נעאַפּאָלער פּאָרט פון דער באַגעגעניש צווישן מאַמע און טאָכטער, נאָך 13 יאָר צעשיידונג. זי האָט פון דער שיף דעפּעשירט אין דער מיליאַנער אָפּערע און צווויסן געגעבן דער טאָכטער, אַז פרייטיק 8 פרי קומען מיר אָן אין איטאַליענישן פּאָרט.

קיין צייט צו ענטפערן איז אויך נישטאָ... עס דערהערט זיך דער קלונג וואָס רופט עסן מיטיק. מיר גייען זיך פונאַנדער.

...און אויב ווער פון די לייענער וועט אַמאָל צופעליק באַזוכן אַ באַלעט־פאָרשטעלונג מיט דער פרימאַ־באַלערינע, וואָס איר נאָמען קלינגט רוסיש — זייט וויסן, אַז איר האָט פאַר זיך אַ ייִדישע טאָכטער, געבוירן אין דער הייליקער שטאָט ירושלים מיט 19 יאָר צוריק... און אַז אין יאַנואַר 1965 האָט זי אויף דער ערד פון איטאַליע זיך געטראָפן מיט איר מאַמען, נאָך 13 יאָר צעשיידונג...

אויף דער שיף „איסטאַמבול״ אָנהייב יאַנואַר 1965. (י״ש ת״א, 27.1.65)

# אין יידישע היימען אין פּאַריז

וואָס ווייסט דער דורכשניטלעכער ישראל־בירגער וועגן לעבן פון אחינו בני־ישראל אין גלות? לויט וועלכע קריטעריעס שאַצט ער אָפּ די מענטאַליטעט, ראַנגלענישן און טראַכטענישן פון זיינע ברידער־ייִדן אין דער דיאַספּאָראַ? וואָס איז מכוח דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און שטאָלץ פון אונדזער צעזייט און צעשפּרייט פאָלק?

דער פאַקט וואָס די מדינה איז געוואָרן אי דער גייסטיקער צענטער פונעם פאָלק, לויט דער קאָנצעפּציע פון אחד־העם, אי דער מלוכהשער, עמאַנציפּאַנעלער און נאַציאָנאַלער אָנהאַלט־פּונקט, ווי דאָס האָבן פאַרשטאַנען הערצל און באָראָכאָוו — האָט ביים ישראל־איינוווינער אויסגעבילדעט אַן עגאָצענטריש קוקן אויפן גלות־ייִד פון אויבן־אַראָפּ, אַמאָל מיט איראָנישן ביטול, אַמאָל — מיט שפּאָטישן מיטלייד. דעם תל־אביבער, חיפהער צי רמת־גנער ייִד האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, געפינען זיך די ייִדן אין פראַנקרייך אויפן ראַנד פון אָפּגרונט, אַז נאָך אַ פּאָר יאָר — און די אַסימילאַציע וועט אויפפרעסן די לעצטע איבערבלייבעכצן פונעם פּינטעלע ייִד. האָב איך דאָך פון אַזאַ קאָמפּעטענטער און באַגלויבטער

פערזענלעכקייט ווי ד״ר נחום גאָלדמאַן, געהערט אויף דער דערפּענונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ פון מפּ״ם אין תּל־אבֿיבֿ, אַז אין מערבֿ־אייראָפּע געניסן בלויז 8% ייִדישע קינדער פון ייִדישער דערציונג. דאָס מיינט, אַז 92% פון אונדזערע שלמהלעך און יאָסעלעך זענען לגמרי אָפּגעריסן פון דער ייִדישער צי העברעיִשער שפּראַך, ווייסן גאָרניט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, געשיכטע און קולטור. אַפילו מדינת ישׂראל באַדייט פאַר זיי נישט מער ווי נאָך אַ פּינטעלע אויף דער וועלט־מאַפּע...

אַ נעענטער צוקוקן זיך צום לעבן פון אונדזערע ייִדן אין פראַנקרייך, מאַכט צונישט אין אַ גרויסער מאָס אַ סך פאַלשע איינשטעלונגען און באַגריפן. אויך דאָ, ווי אומעטום, איז דאָ אַ סך ליכט, און נאָך מער — שאָטן.

דער אמת איז דער, אַז די קינדער נאַשן יאָ אַ ביסל ייִדישקייט פון טאַטע־מאַמע, וועלכע ריידן נאָך אַלץ צווישן זיך מיטן זעלבן לשון ווי אין קוטנע און פלעגן געוויסע רעליגיעזע, צי טראַדיציאָנעלע מנהגים פון דער אַלטער היים. דאַקעגן אין דרויסן באַמיט מען זיך צו זיין אַנדערש, לויטן משׂכּילישן זאָג: „אַ ייִד אין שטוב — אַ מענטש אין גאַס״.

☆

אייניקע ייִדן, מיט וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן אין אַ טעקסי איבער די פּאַריזער גאַסן, האָבן ניט דעמאָנסטרירט צופיל נאַציאָנאַלן שטאָלץ, הגם דער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין איז ביי זיי שטאַרק אַנטוויקלט. איך פרעג זיי אין יידיש וועגן בנינים, דענקמעלער, בריקן און אַנדערע מערקווירדיקייטן, וועלכע מ׳זעט דורכן פענצטער פון אויטאָ אויף שריט און טריט — און זיי ענטפערן מיר אין... פוילישׂ. ס׳ווילט זיך נישט „דעקאָנספּירירן״ אַלס ייִד פאַרן גוטמוטיקן און גלייכגילטיקן טעקסי־שאָפער אין איינער פון די קאָסמאָפּאָליטישע שטעט אין דער וועלט. איך הער נישט אויף פרעגן אין ייִדיש — און די תּשובֿות באַקום איך אַלץ אין פוילישׂ. אַפילו אינעם ביז גאָר טאָלעראַנטן, ליבעראַלן און פילשפּראַכיקן פּאַריז, זענען זיי נאָך באַהערשט פון קאָמפּלעקס און פּחד פון די ערשטע טעג אין פּוילן נאָך דער באַפרייאונג, ווען אַ טייל פון דער שארית־הפּליטה האָט געטראָגן דעם צלם אויפן האַלדז און מורא געהאַט אַרויסצוריידן אַ יידיש וואָרט. דער פּאַרדרוס איז נאָך מער געוואַקסן, ווען אין די היימען פון די זעלבע ייִדן, אָטעמט מיט עכטער ייִדישקייט. טראָץ דעם אַסימילאַטאָרישן מבול וואָס פלייצט אַרום בשפע, באַמיט מען זיך אויך די קינדער איינשפּריצן אַ קאַפּעטשקע ייִדישקייט, הגם — מיט שוואַכע רעזולטאַטן.

אין דעם רובֿ ייִדישע היימען אין פּאַריז, וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן (בערך אַ 20), הער איך כּמעט דעם זעלבן ענטפער פונעם קינד, וועלכן כ׳פרעג:

— ייִדיש פאַרשטייסטו?

— יאָ!

— ייִדיש ריידן קאָנסטו?

— נאָן (ניין)...

איך באַמערק, אַז די יידישע קינדער אין פּאַריז האָבן יידישע אויערן און — גוישע צינגער. די עלטערן שמייכלען אין פאַרלעגנהייט, דאָס ייִנוואַרג פאַרשטייט נישט די „חכמה״, נאָר פאַר־וואַנדלט זיך אין שטומע, פאַראינטריגירטע עדות פונעם געשפרעך וואָס פירט זיך אין ייִדיש צווישן זייער טאַטע־מאַמע און דעם גאַסט פון ישׂראל.

☆

אין עטלעכע זייער פאַרמעגלעכע הייזער, מיט פּראַכטפולע סאַלאָנען, לוקסוס־אַרטיקע צימערן, מיט סטיל־מעבל אויפן נאָמען פון פראַנצויזישע מאָנאַרכן (לואי דער דרייצנטער, לואי דער פערצנטער און פופצנטער — און ווי מען ווילט זיך: מעבל פון לואי דעם פערצנטן און אַ האַלבן...), האָט מען זיך נישט אויסגעטאָן פון ייִדישקייט. דאָס רייכטום האָט נישט פאַרשיכורט

די דאָזיקע ייִדן. אין זייערע אָנגעשטאָפּטע ביבליאָטעקן וועט איר זען ווערטפולע ייִדישע ביכער פון טאַלאַנטפולע שרייבערס, עטלעכע ספרים אין העברעיִש, קאָמפּלעטן „די גאָלדענע קייט". די ווענט זענען באַצירט מיט קונסט־ווערק (גראָד נישט קיין אַבסטראַקטע בילדער) פון באַרימטע ייִדישע און ישראלדיקע מאָלערס. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די ייִדן לייענען נאָך אַ בוך און ווייסן צו ריידן וועגן די געמעלן און זייערע באַשאַפער.

זיי האָבן אַ סך ליבע און סענטימענט פאַר דער מדינה, גרייסן זיך מיט איר, אַרבעטן און שפּענדן פאַרן מגבית, דערמוטיקן זייערע קינדער צו באַזוכן אין קן פון „השומר הצעיר", אין קלוב פון „מכבי" און שטאָלצירן דערמיט וואָס די פרוי איז טעטיק אין וויצ"אָ. און אויב אַזאַ ייד איז נאָך פּרעזידענט פון אַ סאָסייטי (לאַנדסמאַנשאַפט), איז עס ביי אים נישט נאָר אַן ענין פון כבוד און פּרעסטיזש, נאָר אויך אַ באַווייז פון זיין צוגעבונדנקייט צום עבר.

דעריבער האָב איך געהאַט אַ הנאה, וואָס גראָד אין די א. ג. מיליאָנערסקע ייִדישע היימען, ווערט אַ סך געטאָן, כדי איינהאַלטן דעם נר תמיד, נישט לאָזן פאַרלעשן דעם ברענענדיקן דאָרן...

נאָך מערער קומט דאָס צום אויסדרוק אינעם פלעגן די טראַדיציעס פון דער אַלטער היים.

אין זייער פרייע, וועלטלעכע און פאַרמעגלעכע היימען, וועט איר פרייטיק־צו־נאַכטס זען אויפן טיש צוויי לייכטער מיט ליכט, וועלכע מ'האָט נישט נאָר אָנגעצונדן, נאָר געבענטשט איבער זיי מיט אַ הענט־פאַכעריי און אַ פאַרדעקן זיך די אויגן, פרעפּלענדיק דערביי אַ תפילה (מן־הסתמא נישט די זעלבע וואָס אונדזערע מאַמעס האָבן דערביי געזאָגט). און אויב שוין ליכט, דערלאַנגט מען צום עסן געפילטן קאַרפּ, אַפילו לאָקשן מיט יויך, הגם די מענטשן זענען שטאַרק אָפּגעהיטן מיט דער דיעטע. מיט אַזאַ היימיש־ייִדישלעכן און טראַדיציאָנעלן פרייטיק־צו־נאַכטס איז מען אויסן נישט נאָר באַערן די אומגעקומענע עלטערן, געפינען אַ תיקון פאַר דער נאָסטאַלגיע צום אַמאָל, נאָר קודם־כל און דער עיקר — פלעגן אַ ביסעלע ייִדישקייט אינעם לויערנדיקן, נישט־ייִדישן אַרום, וועלכער דראָט נאַציאָנאַל צו פאַרלענדן די קינדער מיט געמישטע חתונות, אינטעגראַציע, צי — חלילה — שמד...

דאָס קלאַמערן זיך אין דער טראַדיציאָנעלער פאַרגאַנגענהייט דאַרף פאַרהיטן פון אַ געפאַר־פולער צוקונפט. נאָט אייך, קינדערלעך, אַלץ וואָס איר ווילט: הויכע בילדונג, זאַט עסן, רייכע קליידונג, אַ פאַרטעפּיאַן, טעלעוויזיע, סקי, ווינטער־אָפּרו אין איטאַליע און זומערפעריען אין דער שווייץ, טאַנץ־אָוונט און דאָס „אַרויסגיין" מיט פראַנצויזישע חברים און חברטעס — אָבער נעמט אויך אַ קאָפּעטשקע ייִדישקייט פון אונדזערע אבות־אבותינו, באַזוכט ישראל פון צייט־צו־צייט — און ברענגט אונדז נישט אַהיים אַ „שגץ" צי אַ „שיקסע" אַלס זיווג — צעברעכט נישט דאָס האַרץ פון טאַטע־מאַמע...

צוזעענדיק דעם „שידוכים־אַנגסט" פון אַזעלכע טייערע ייִדן, האָט זיך מיר דערמאָנט ד"ר חיים ווייצמאַנס וויץ וועגן דער ייִדישער מאַמע אין פינסק, וועלכע האָט געבעטן ביי גאָט אַ וואַרעמען פראָסט, ווייל איינער פון אירע זין האָט געהאַנדלט מיט זומער־סחורות און דער צווייטער — מיט ווינטער־אַרטיקלען... אויך געוויסע ייִדן אין פאַריז ווילט זיך אַ מין „וואַרעמען פראָסט": אי לעבן אין אַ פרעמדן, הגם פריינדלעכן אַרום, אי זיכערן זיך אַ יידישן אידעם צי שנור. און דאָס לעצטע געלינגט זיי צום ווינציקסטן... (י"ש ת"א, 3.2.65)

## אויף אַ יידישער חתונה אין פאַריז

12 שעה צייט האָט געדויערט די חתונה־פייערונג פון דער עלטסטער טאָכטער פון אונדזערע פריינד אין פראַנקרייך. דאָס וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער סינאַגאָגע און שפּעטער אין ליכטיקע זאַלן, האָט נישט איין מאָל אַרויפגעברענגט אויפן זכרון דאָס ליד פון איציק פעפער „אַ ביראָבידזשאַנער חתונה", וואָס איז מיר אויסגעקומען צו הערן הינטער קיעוו,

מיט 25 יאָר צוריק, רעזשיסירט פון מחבר גופא, און דאָס ליד פון אַ. לוצקי „אַ חתונה אין שטעטל״, וואָס איז מיט גרויס מייסטערשאַפט אויסגעשפּילט געוואָרן אין תל־אביב דורך אידאַ קאַמינסקאַ, בעת אירע גאַסטראָלן אין ישראל.

היינט איז אויס חתונות אין יידישן שטעטל; אויס מיט דער ביראָבידזשאַנער חתונה. אַ. לוצקי איז שוין אויפן עולם האמת. איציק פעפער איז געפאַלן אַ „קרבן פון פּערזאָנען־קולט״... בלויז זייערע לידער זענען געבליבן. און ס׳איז אויך געבליבן אַזאַ אַלטע יידישע „אינסטיטוציע״ וואָס הייסט חתונה, מיט איר באַנייטן, יידיש־נגידישן גילגול אין דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך.

די גרויסע, צענטראַלע פּאַריזער סינאַגאָגע אויף רי לע וויקטואַר האָט יענעם זונטיק נאָכמיטאָג זיך פאַרפולט מיט אַ סך געסט. מיין שכן רוימט מיר איין אין אויער: „הלוואי וואָלט כאָטש אַ העלפט פון זיי געקומען אַהער צו דער שבתדיקער תפילה...״ מונדירטע שמשים־אָרדנער, מיט נאַפּאָליאָנסקע קאַפעלאַטשן אויף די קעפּ „רעגולירן די באַוועגונג״: זיי הייסן די פרויען זיך זעצן „אַ גאַש״ (לינקס) און די מענער — „אַ דרואַט״ (רעכטס). דער אינעווייניקסטער, ווי דער אויסערלעכער אויסזען פון דער שול, די הערשנדיקע פראַנצויזישע שפּראַך, דער אָרגל און דער כאָר מיט זינגער און זינגערינס, וואָס דער רוב פון זיי זענען ניט קיין ייִדן, דערמאָנען מיט אַלע פּיטשעווקעס אַ רעפאָרמירטן טעמפּל — פונדעסטוועגן לאָזט מען נישט זיצן קיין פרויען און מענער צוזאַמען. אָרדענונג מוז זיין — און ס׳הערשט טאַקע אָרדענונג בעתן פייערלעכן אַריינמאַרש פון ייִנגן פּאָרל מיט זייערע אונטערפירערס (די מענער — אין צילינדערס) און מיידעלעך־באַגלייטערינס, געקליידט אין ווייסן: בעתן שפּילן דורכן אָרגל דעם „חתונה־מאַרש״ פון מענדעלסאָן און אַנדערע מעלאָדיעס; בעתן געזאַנג פון כאָר און אַפילו בעת דער לאַנגער רעדע אין פראַנצויזיש פונעם הויפּט־ראַבינער פון פראַנקרייך, הרב קאַפּלאַן. און אַלץ צוזאַמען — אַ געמיש פון אַמאָליקער פרומקייט מיט רעפאָרמירטער ייִדישקייט.

מיין שכן פון רעכטס, אַ ייִד פון פוילן, אַנגעזאָפּט פון די יוגנט־יאָרן מיטן קליינשטעטלדיקן בית־המדרש, שאַקירט די „סינאַגאָגישקייט״ (לויט זיין אויסדרוק). דווקא דאָ, אינעם טעמפּל פון קדושה, געפינט זיך דער אינקובאַטאָר פון אַסימילאַציע. לויט זיין מיינונג, אין די סינאַגאָגע נישט מיטגעגאַנגען מיט דער צייט, נאָר פאַרלאָרן דעם וועג. אָן אָרגל, אַ נישט־ייִדישער כאָר, דאָס פראַנצויזישע לשון — פּאַסן נישט פאַר אַ בית־הכנסת. די אַלטע פראַנצויזישע ייִדן איז אין רעליגיעזן זין געלונגען צו מאַיאָריזירן די איינגעוואַנדערטע מזרח־אייראָפּעישע ייִדן וועלכע זענען מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַסימילאַציע־שטראָם און „רעפאָרמירטער״ פרומקייט.

דער שכן פון לינקס האָט אַן אַנדערע מיינונג. ביי דער לאַגע פון די ייִדן אין פראַנקרייך, ספּעציעל פון דער יוגנט, איז די סינאַגאָגע, אַפילו אין איר מאָדערניזירטער פאָרם, איינער פון די וויכטיקסטע באַסטיאָנען קעגן אַסימילאַציע. די זונטיק־שול פאַר ייִדישע קינדער, די רעגולערע תפילות פאַר דערוואַקסענע אין די שבתים און יומטובים, צוימען די אַסימילאַציע־טענדענצן, פאַרלאַנגזאַמען זייער טעמפּאָ. ווען נישט די סינאַגאָגע אין אַזאַ פראַנקרייך צי אַמעריקע, וואָלטן נאָך אברים אָוועקגעפאַלן פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן גוף.

...דער חתן האָט מיט טאַלאַנט צעקלאַפּט דאָס גלאָז. די חופּה־צערעמאָניע דערגענטערט זיך צום סוף — אָבער דער וויכוח וועגן דער סינאַגאָגע איז נישט פאַרענדיקט. אַנטקעגן די צוויי אַרויסגעבראַכטע מיינונגען, האָב איך שוין נישט באַוויזן צו זאָגן מיינע אַרגומענטן. נאָר מיט זיי, צי אָן זיי — בלייבט אַלץ אָפן די דיסקוסיע וועגן דער ראָל פון סינאַגאָגעס און רעליגיע אין אונדזער נאַציאָנאַל לעבן — אין די תפוצות, ווי אין ישראל גופא.

✡

„חתן־כלה מזל טוב, חתן־כלה מזל־טוב״ — שפּילט דער אָרקעסטער, באַגלייט פון אַ זינגער. מיט דער־אַ אַלטער ייִדישער מעלאָדיע ווערן אין רייך אילומינירטע האָטעל־זאַלן,

ווּעמענס ווענט, סופיטן און קאָרידאָרן זענען באַצירט מיט קונסטגעמעלן, אויפגענומען די פֿאַרבעטענע געסט. 5 פֿאַרנאַכט הייבט זיך אָן די נאָך־חופּה סעודה, חתונה־פֿאַרווײַלונג און אוּונט־ברויט. אַ באַר, טישלעך, באַזונדערע קעלנער־באַדינונג — און אַלץ אונטער די אומאויפהערלעכע קלאַנגען פֿון צוויי זיך טוישנדיקע אָרקעסטערס, כּדי אויף איין מינוט נישט אָפּשטעלן די טענץ, מוזיק און פֿרייליכקייט. און לידער — אָן אַ שיער, אָן אַ צאָל. 90 פּראָצענט פֿון זיי — פֿונעם אַלטן ייִדישן פֿאָלקס־אוצר: „אויפֿן פּריפּעטשיק" און „ווען מיט מזל, געזונט און לעבן", דורכגעפֿלאָכטן מיט אַ פּוילישער פֿאָלקס־מעלאָדיע, מיט אַ „קראַקאָוויאַק" און „מאַזורקע". און ווידער: „וטהר לבנו", „מײַן ייִדיש מיידעלע" און... „בערבות הנגב". די יוגנט האָט אויך פֿאַרלאַנגט אירס: אַ טוויסט און אַ סאַמבאַ, אַ טאַנגאָ און אַ וואַלס — נאָר דאָמינירט האָט די האַרציק־ייִדישע נגינה, וואָס האָט במילא געשאַפֿן די חתונה־אַטמאָספֿער פֿון דער אַלטער היים.

אָט־אָ די געדעכענישן פֿון דער אַלטער היים, די דערינערונגען פֿון דער נישט־ווײַטער אוישוויץ־פֿאַרגאַנגענהייט, דער פֿאַרבאַרגענער קרעכץ פֿון אַ טייל געסט, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו פֿירן אונטער דער חופּה זייערע יורשים, ווײַל היטלערס רוצחים האָבן אומגעבראַכט אַ מיליאָן ייִדישע קינדער — וועבן זיך אַרײַן אויף אַ דיסקרעטן אופֿן אין דעם יום־טובֿדיקן זאַל, ביים זופֿן דעם שאַמפּאַניער, ביי דעם רײַכן אָוונט־ברויט, ביי דעם אַלגעמיינעם „האָראַ", ביים אַרײַנברענגען דעם פּירגאַרנדיקן קוכן, ביים קאָזאַקן־טאַנץ... די ווונדן פֿון יענע טעג זענען נאָך נישט פֿאַרהיילט, אונדזער נאַציאָנאַלע בראָך איז נאָך נישט פֿאַרעלטערט געוואָרן.

דערציילט מיר אַ ייִד, אַז געניי מיט 20 יאָר צוריק איז ער באַפֿרייט געוואָרן פֿון אוישוויץ. לכּבֿוד דער געשעעניש וויל ער אויסטרינקען אַ „לחיים" מיט אַ ייִד פֿון ישראל. „היטלער האָט אײַנגענומען אַ מיתה־משונה, איך האָב זיך אויפֿגעבויט אַ היים אין פּאַריז, פּרנסה איז דאָ ברײַוח — און דאָס וויכטיקסטע: פֿאַראַן אַ ייִדישע מדינה — טאָ לאָמיר מאַכן אַ כּוסה, מע מעג אַמאָל זיך משמח זײַן"...

☆

און דער עולם איז זיך משמח. פֿאַראַן דערצו אַ סך סיבות. קודם־כּל — די הויפּט־מחותנים גופֿא. ביידע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון היטלערס נעגל. ער — אין דער אָקופּירטער פֿראַנקרײַך; זי — אין דעם אָקופּירטן פּוילן. זיי האָבן זיך באַגעגנט אין פּאַריז נאָך דער באַפֿרייאונג, חתונה געהאַט, געבוירן מיט מזל דריי טעכטער, דערשלאָגן זיך צו אַ פֿאַרמעגן — און מ'פֿירט היינט דאָס ערשטע טעכטערל אונטער דער חופּה, לויט אַלע כּללים פֿון אַ ייִדישער חתונה. ייִנגעטשקע ייִדישע מיידלעך זענען סיי אין דער סינאַגאָגע, סיי אויפֿן זאַל, אַרומגעגאַנגען מיט „צדקה־פּושקעס" — צומערשט האָט מען געזאַמלט פֿאַרן בית־הכּנסת, דערנאָך — פֿאַרן קרן־קיימת. ביי ייִדן זענען שטענדיק געווען נעמערס, געבערס און אויך זאַמלערס.

אַ צווייטער גאַסט פֿון ישראל, אַ חבֿר פֿון קיבוץ, זאָגט מיר, אַז דאָס איז נישט קיין ייִדישע חתונה. אים געפֿעלט נישט דער גלאַנץ און פּראַכט, די פֿרויען־קליידער „צו באַווייזן זיך", די שווערע, בלישטשענדיקע גאָלד־בראַסלעטן, ברילאַנטענע רינגלעך, די מיט דימענטן באַשפּרענקל־טע קידושין־רייפֿלעך, די שטייפֿע קאָלנערס און די „גוייִשקייט" פֿון דער סינאַגאָגע. איך בין נישט מסכּים מיט זײַן מיינונג. אַוודאי איז עס העט־ווײַט פֿון אַ חתונה אין קיבוץ, אָבער אויך דאָ איז אַלץ ייִדישלעך, נאַציאָנאַל און פֿאָלקסטימלעך. וואָס שייך די קליידונג און צירונג — אויך אין ישראל זענען מיר ניט פֿריי פֿון אַ יאָגן זיך נאָך לוקסוס און רײַכטום, פֿון סנאָביזם — טאָ וואָס קען מען פֿאַרלאַנגען פֿון פּאַריז?

איך דערצייל דעם קיבוצניק, אַז מיט 19 יאָר צוריק בין איך געווען אין פֿראַנקרײַך, געזען אין אַ וואַסער צושטאַנד ס'האָבן זיך געפֿונען די היינטיקע מחותנים, אַ גרויסער טייל פֿון די געסט — און אויב זיי זענען היינט דערגאַנגען צו אַזאַ עקאָנאָמישן מעמד, ניט פֿאַרגעסנדיק

דערביי ווער זיי זענען און צו וועמען זיי געהערן, איז עס אומבאַדינגט די גרעסטע נקמה אין די וועלכע האָבן אונדז געוואָלט איינגאַנצן אומברענגען.

— זעסט די דאָזיקע צענטאַנצטע און צעהיצטע יוגנט? פאַר זיי און פאַר זייער צוקונפט דאַרף מען מורא האָבן. וועט מען זיי זוכה זיין צו פירן אונטער דער חופה כדת כמשה וישראל — אין וועלטלעכן זין? וועלן זייערע קינדער וויסן עפּעס וועגן אונדזער פאָלק און דער מדינה? וועלן אין 19 יאָר אַרום נאָך פאַרקומען אַזעלכע יידישע חתונות אין פּאַריז?

דער חבר פון קיבוץ, פּונקט ווי איך, שווייגן.ביידע האָבן ניט קיין ענטפער אויף דער פראַגע...

(י״ש ת״א, 17.2.65)

## אויף אַ נישט ריכטיקן אַדרעס

פּאַריז, 25־טער יאַנואַר 1965

אויפן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פראַנקרייך ליגט דער חותם פון דער שפּרודלדיקער, פאַרנעמיקער אַקטיוויטעט, פול מיט ליידנשאַפט און אידעאַליזם, וועלכע האָט געהאַט אַן אחיזה אינעם יידישן ישוב אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. נישט מער, די היינטיקע אויפטוען אויף דער יידישער גאַס אין פּאַריז זענען בלויז אַ שוואַכער עכאָ פונעם אַמאָליקן נוסח פּוילן. זיי לאָזן אָבער נישט איינשלאָפן די אַזוי אויך איינגעדרימלטע און פאַרעלטערטע טוער פון די פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און לאַנדסמאַנשאַפטן.

די דריי יידישע טאָג־צייטונגען אין פראַנקרייך דערציילן אין אַנאַנסן, מעלדונגען, באַריכטן און אַרטיקלען וועגן אַ פאַרצווייגטער, קולטורעלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. ציוניסטן, בונדיסטן און קאָמוניסטן, צעקריגטע ווי אין אַמאָליקן קליינעם שטעטל אין פּוילן, זענען אָבער אויך שפּעריש און טעטיק ווי מיט 30—40 יאָר צוריק. זיי זענען ממשיך אויפן פּאַריזער באָדן. די ערשטע — מיט אַ סך אמונה, התלהבות און אויפריכטיקער ליבע צו דער יידישער מדינה, אירע דערגרייכונגען און אויפטוען. די אַנדערע ווידער קלאַמערן זיך נאָך אַלץ אין דער אָפּגעלעבטער אַנטי־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. הגם זיי האָבן זייער אַ סך סענטימענט, אָנער־קענונג און באַוווּנדערונג פאַר ישראל, איז נאָך אַלץ שווער צו באַפרייען זיך פון דער אַלטער ירושה. פון די געשפּרעכן וועלכע כ׳האָב געהאַט מיט אייניקע יידישע קאָמוניסטן אין פּאַריז, איז געבליבן דער איינדרוק, אַז אַפילו ווען די ישראל־רעגירונג זאָל ענדערן איר אויסערן־פּאָליטיק, ווערן נייטראַל, צי מערער זיך אָריענטירן אויפן ראַטנפאַרבאַנד — וועלן זיי זיך נישט באַפרייען פון פאַרעלטערטע, יעווסעקישע איינשטעלונגען.

ביידע ריכטונגען — די ציוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע — גייען אָבער אַן מיט זייערע אַקטיוויטעטן צווישן דעם עלטערן, יידיש־רעדנדיקן דור. צו דער יוגנט און קינדער דערגייט מען נישט. דער ייִנגערער דור געניסט פון „אומבאַרירלעכקייט״ מצד די יידיש־געזעל־שאַפטלעכע כוחות. אין שטוב, בלית־ברירה, טאָלערירן די אונטערוואַקסנדיקע קינדער דאָס רעדן יידיש פון טאַטע־מאַמע, מאַכן אַ קרומע מינע, ווען מע לייגט אַוועק אויפן פּאַטעפאָן פּלאַטן מיט יידישע לידער, הגם אויס דרך־ארץ הערט מען זיי ביזן סוף און מע מאַכט אפשר מיט אייניקע טראַדיציאָנעלע צי רעליגיעזע פירעכצן. די מענטאַליטעט פון די יידישע קינדער און יוגנט אין פראַנקרייך איז אָבער אַ דורכויס פראַנצויזישע. די שפּראַך, די שול, די דערציונג, לעבנס־שטייגער, סביבה, חברים — אַלץ איז נוסח פראַנקרייך. אַפילו אַ בר־מצווה פייערונג פון אַ ייִנגל אין דער משפּחה, איז נישט מסוגל אָפּצושטעלן דעם פּראָצעס פון פאַרפרעמדקייט און דערווייטערונג פונעם יידיש־פאָלקסטימלעכן און נאַציאָנאַלן שורש.

✡

דעריבער האָט מיר אויסגעזען זייער מאָדנע, וואָס בעת אַ מיטאָג־עסן ביי אַ ייִדישן שרייבער און קולטור־טוער אין פּאַריז, ווען כ'האָב מיין גאַסטגעבער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער דאָזיקער נעגאַטיווער דערשיינונג און טאַקע דערפאַר געבענטשט זיינע הענט וואָס פאַרשפּרייטן דאָס ייִדישע וואָרט אין דער הויפּשטאָט פון פראַנקרייך, ווו די אַסימילאַציע־געפאַרן זענען אַזוי גרויס, איז ער נישט נתפעל געוואָרן פונעם קאָמפּלימענט, נאָר אָנגעהויבן אַרויסרוקן אַ וועלט מיט טענות קעגן ישראל פאַר דער עוולה וואָס ווערט דאָרט באַגאַנגען כלפּי ייִדיש. אַלע מיינע אויפקלערונגען וועגן פונאַנדערוווקס פונעם ייִדישן פאַרלאַג־וועזן, פּרעסע, טעאַטער, אַפילו מיט צוויי נאָכמיטאָג־שולן אין ייִדיש — „ס'איז גאָרנישט!...” איך פרעג אים:

— וואָס־זשע לייגסטו פאָר צו טאָן?

— איינפירן אַ צוויי־שפּראַכן סיסטעם אין ישראל.

— אַזוי' ווי אין בעלגיע?

— בדיוק! (דאָס זאָגט ער טאַקע אין עברית). אויב די בעלגער באַנוצן זיך מיט פראַנצויזיש און פלעמיש, מעגן די ישראל־איינוווּנער אויך האָבן צוויי לשונות — העברעיִש און ייִדיש. אונדזער מאַמע־לשון דאַרף זיין אַ גלייכבאַרעכטיקטער שותּף צו עברית.

ביי מיין גאַנצער ליבע צו דער שפּראַך פון י. ל. פּרץ און שלום־עליכם, קלער איך אויף מיין מיטשמועסער, אַז די יידן אין ישראל זענען צעטיילט און צעדריבלט לויט שבטים, עדה'ס און לענדער־אָפּשטאַמיקייט; אַז די פּאַרטיי־צעשפּליטערטקייט אין לאַנד איז געווּג גרויס; אַז דער גערא־נגלֿ פאַרן וועלטלעכן, צי רעליגיעזן כאַראַקטער פון דער מדינה איז אין פולן פאַרנעם. נייטיקן מיר זיך טאַקע אין אַ שפּראַכן־קאַמף? נאָך דאָס פעלט אונדז צו?

איך דערצייל, אַז ייִדיש־רעדנדיקע עולים קומען נישט אין לאַנד אַריין אין גרויסע מאַסן; די קינדער און יוגנט אין ישראל רעדן נישט קיין יידיש (הגם אַ סך פון יינגן דור פאַרשטייען די שפּראַך), אַז די אַשכנזישע עדה'ס בילדן אין ישראל אַ מינדערהייט. אויבנאויפיק קען זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז די לאַגע פון ייִדיש אין ישראל איז געגליכן צו ייִדיש אין פראַנקרייך. אָבער „שפּראַכלעכע אַסימילאַציע” אין דער מדינה מיינט נישט אַנטלויפן פון פאָלק, פון זיין קולטור און פאַרגאַנגענהייט. עברית אין ישראל איז גראָד איינער פון די עפעקטיווע און געזונטע מיטלען צונויפצושמעלצן גלותן און שבטים, „אינטעגרירן” די עולים פון פאַרשיידענע לענדער אינעם ישראלדיקן לעבן און שטייגער.

אַן אַנדערע פראַגע — דאָס איינפירן ייִדיש־לימוד אין די שולן, ווינציקסטנס אין די העכערע קלאַסן. דערפאַר איז יאָ כדאי צו קעמפן. ייִדיש פאַר דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, איז אַ ווירקזאַם מיטל קעגן לעוואַנטינישקייט.

בנוגע דעם פלעגן און אַנטוויקלען די ייִדישע שפּראַך און ייִדישע קולטור אין דער מדינה — זענען חל די זעלבע געזעצן ווי אין פראַנקרייך: ווען זיך געפינען גענוג געזעלשאַפטלעכע כוחות, אָדער יחידים, „משוגעים פאַר דער זאַך” איןביידע לענדער — וועט ייִדיש וואַקסן, זיך אַנטוויקלען, אויסשפּרייטן השפּעה, הגם זי וועט נישט ווערן קיין דאָמינירנדיקער כוח. דער קאַמף פאַר יידיש, וועלכן עס פירט מיין פריינד אין פראַנקרייך, איז אויך אַ **נאַציאָנאַלע שליחות** קעגן אָפּגעפרעמדקייט, פאַרלייקענונג, אַסימילאַציע און אינטעגראַציע, אויסער די קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן, בעת דער קאַמף פאַר יידיש אין ישראל איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. „שפּראַכלעכע אַסימילאַציע” דאָרט איז נישט קיין אַנטלויפן פון פאָלק, זיין קולטור און עבר. דעריבער גיב איך מיין פריינד אַ „ציוניסטישע” עצה:

— ווילסטו שטאַרקן ייִדיש אין ישראל — אדרבה, קום זיך באַזעצן אין לאַנד. גיב דיין צושטייער פאַר דעם קאַמף...

✡

נאָר דער שלעכט־סיטואירטער ייִדישער שרייבער אין פּאַריז, פּונקט ווי די אויפגעקומענע גבירים אין דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך, טראַכטן נישט דערוויייל וועגן עולה זיין. זיי איז

דאָרט צו גוט עקאָנאָמיש (הגם מע באַקלאָגט זיך אויפֿן שלעכטן סעזאָן), זיי פֿילן זיך שטאַרק זיכער („וואָס וועט זיין מיט אייערע אַראַבישע שכנים?" — איז די ערשטע פֿראַגע וואָס ווערט געשטעלט אַ ייִד פֿון ישׂראל), אַז מ׳זאָל וועלן זיך רירן פֿון אָרט. אויב עס פֿאַרגנבעט זיך אין זייערע הערצער אַ ספֿק בנוגע דער ייִדישער צוקונפֿט פֿון די קינדער, צי זיי וועט געלינגען באַקומען אַ ייִדישן זיווג — ווערט ער שנעל אַרויסגעשטויסן דורכן אייביק־ייִדישן אָפּטימיזם און בטחון, אַז אַלץ וועט זיך יאָקאָש איינאָרדענען ווי אַמבעסטן. זיי זענען באַהערשט פֿון „אויטאָ־מחשבות": געמישטע חתונות קומען פֿאָר ווי אויטאָמאַבילן־קאַטאַסטראָפֿעס — טאָ פֿאַרוואָס דאַרף עס טרעפֿן גראָד מיך? כ׳בין דאָך אַזאַ גוטער און פֿאַרזיכטיקער פֿאָרער, פּונקט ווי כ׳בין נישט אַנטלאָפֿן פֿון ייִדיש און ייִדישקייט? ווי עס זאָל נישט זיין — מיך מיינט מען נישט... אַזאַ ייִד איז אַפֿילו גרייט אַנצוקלאַפּן אַ מזוזה אויף זיין טיר, נישט כדי צו פֿאַרטרייבן די ספּקדיקע שדים און רוחות, נאָר פּשוט באַוואָרענען זיך קעגן אַ נישט־ייִדישע שנור צי איידעם.

אָבער אָן דעם ענין געמישטע חתונות, איז די ייִדישע יוגנט אין פֿראַנקרייך דאָך פֿרעמד און אָפּגעריסן פֿון דער ייִדישער שורשדיקייט און אַפֿילו פֿון דער ערזאַץ־ייִדישקייט וואָס הערשט אין זייערע היימען. ס׳וואָלט דעריבער געווען אַ יושר, אַז דער קאַמף פֿאַר ייִדיש און ייִדישקייט, וועלכער ווערט אויף אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן אופֿן און דורך אַ סך געזעלשאַפֿטלעכע כוחות געפֿירט מיט אַזאַ שוווּנג און מסירת־נפֿש, זאָל איבערגעוועקסלט ווערן אויף אַנדערע רעלסן. דער עיקר און קודם־כל — פֿאַרן ייִנגן דור. די עלטערע ייִדן, אָפּשטאַמיקע פֿון פּוילן, ליטע, רוסלאַנד און רומעניע, טאַטע־מאַמע פֿון דערוואַקסענע קינדער און זיידע־באָבע פֿון גרויסע אייניקלעך, איז נישט נייטיק צו אַגיטירן פֿאַר ייִדיש, „איבערצייגן די איבערצייגטע". דער־אַ דור וועט ביז 120 יאָר זיך עלטערן און אויסלעבן אין ייִדיש און ייִדישקייט, אַפֿלו ווען זיי האָבן שוין די פֿראַנצויזישע בירגערשאַפֿט אַ יאָר פֿערציק. דאַקעגן איז דעם רוב ייִדישע קינדער אין פּאַריז פֿרעמד אַ ייִדיש אות, זיי האָבן נישט געלייענט אַ ייִדישע צייטונג צי אַ ייִדיש בוך, זיי זענען ווייט פֿון אונדזער ליטעראַטור, קולטור, געשיכטע און אַפֿילו — מאַרטיראָלאָגיע. מיט יעדן יאָר עלטער ווערן, דערווייטערן זיי זיך אַלץ מערער פֿון אייגענעם פֿאָלק, במילא אויך — פֿון אייגענע טאַטע־מאַמע.

ווי גוט וואָלט דעריבער געווען, ווען מיין פֿריינד דער שרייבער אין פּאַריז, וועלכער טוט דאָרט באמת אַ וויכטיקע אַרבעט, זאָל אַנשטאָט פֿאָדערן אַ צוויי־שפּראַכן סיסטעם אין ישׂראל, אַ טראַכט געבן וועגן דעם אונטערוואַקסנדיקן ייִדישן דור אין פֿראַנקרייך. און די פֿאַרשיידענע טוערס פֿון די פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און סאָסייטיס זאָלן זייער באמת חשיבותדיקע טעטיקייט לענקען אויפֿן אַדרעס פֿון די קינדער און יוגנט; זיי דערנענטערן צו ייִדיש און צו עבֿרית, צו פֿאָלקסטימלעכקייט און נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

(י"ש ת"א, 24.2.65)

## געמישטע חתונות פֿון דער נאָענט

בריסל, 1טער פֿעברואַר 1965

אין די פֿינף אייראָפּעיִשע לענדער, וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן, זענען געווען עטלעכע געלעגנהייטן צוקוקן זיך פֿון דער נאָענט צו א. ג. געמישטע פּאָרלעך — סיי מיט אַ סטאַזש פֿון אַ יאָר 10—15 נאָך דער חתונה, סיי אָקערשט געהייראַטע. אין עטלעכע שטובן ווידער איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך — און אַפֿילו מיטלעבן — שטילע און הויכע פֿאַמיליען־טראַגעדיעס, ווען אַ טאָכטער צי אַ זון פֿון אַ דורכויס ייִדישער היים, האָט זיך פֿאַרעקשנט מזווג צו זיין מיט אַ נישט־ייִד. פֿון דער באַלערנדיקער און אינטערעסאַנטער רייזע איבער פֿראַנקרייך, איטאַליע, בעלגיע, האָלאַנד און ענגלאַנד — איז אויך געבליבן אַ טעם

פון אומהיימלעכקייט. שולדיק דערין זענען יענע ייִדישע מיידלעך צי ייִנגלעך, וועלכע האָבן להכעיס זייערע טאַטע־מאַמע און מיט אַ קידער־ווידער דעם אייגענעם פאָלק, באַשלאָסן צו גיין אויפֿן וועג פון געמישטע חתונות.

דערפאַר אָבער זענען די איינדרוקן פון שטובן, ווו די מענער זענען ייִדן און די פרויען — קריסטינס, דורכויס פּאָזיטיווע. אין פּאַריז, אַנטווערפּן, לאָנדאָן, בריסל און אַמסטערדאַם, בין איך דערשטוינט געווען פונעם ייִדישלעכן גייסט, דורכגעפלאָכטן אַפילו מיט מנהגים און טראַדיציעס פון דער אַלטער היים, וואָס האָט געהערשט אין שטובן פון געמישטע פּאָרלעך. דאָ רעדט זיך וועגן אַזעלכע פּאָרלעך, ווו דער מאַן איז אַ ייִד. זייערע נישט־ייִדישע פרויען האָבן זיך צוגעפּאַסט און צוגעוווינט צו די פירעכצן פונעם ראש־המשפחה, באַפרייט זיך פון אַ סך אייגענע רעליגיעזע צי נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן. אמת, די תרי״ג מצוות היטן זיי נישט אָפּ אויף די הונדערט פּראָצענט (און וועלכע ייִדישע פרויען, צווישן אונדז געשמועסט, היטן זיי יאָ אָפּ ?), דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך באַמיט צו אידענטיפיצירן מיט דער גייסטיקער וועלט פון דער „צווייטער העלפט״.

אויסער ליבע, ראָמאַנטיק — איז ביי אַזעלכע נישט־ייִדישע מיידלעך געווען אויך אַ חשבון, אַז ייִדישע מענער שלאָגן נישט קיין פרויען, יאָגן זיך נישט נאָך מעטרעסעס און זענען אויך מסוגל צו זיכערן פרנסה בריווח. און מיינע אָבסערוואַציעס האָבן באַשטעטיקט, אַז בדרך כלל זענען אַרויסגעקומען גליקלעכע זיווגים, די קינדער האָבן נאָך מערער צעמענטירט דעם כלומרשט אומגלייכן צי אומזיכערן בונד צווישן אַזאַ פרוי און מאַן. די קינדער אין אַזעלכע היימען באַקומען אַ נישט־ווייניקער ייִדישע דערציונג און אַטמאָספער ווי אין הייזער, ווו ביידע עלטערן באַלאַנגען צו משה רבינו׳ס גלויבן...

כ׳האָב געזען ווי אַזאַ מאַמע (אַ נישט־ייִדישע) איז געווען באַשעפטיקט ביים צוגרייטן אַ בר־מצווה פייערונג פון ערשטן זון. און געטאָן האָט זי דאָס מיט נישט ווייניקער התלהבות און איבערגענומענקייט, ווי אַ... ייִדישע מאַמע. כ׳האָב פון אַזעלכע פרויען געהערט ייִדישע ווערטלעך, אויסדרוקן און זאָגעכצן — אַרויסגעבראַכטע מיט פאָלקסטימלעכן טעם און פשטות, ווי אַ ייִדענע אויף דער אַמאָליקער נאַלעווקעס. אַזעלכע פרויען זענען טיילמאָל אַקטיוו אין וויצ״אָ, זאַמלען פאַרן מגבית און לאָזן הערן זייערע אויפריכטיקע און באַדויערנסווערטיקע טענות צו די ייִדישע מענער, הלמאי זיי האָבן ביזן היינטיקן טאָג נאָך נישט באַזוכט ישראל.

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳זענען אויך פאַראַן אויסנאַמען. דערציילט מיר אַ פריינד אין אַנטווערפּן, אַז זיין שכן האָט העכער 20 יאָר געלעבט מיט אַ נישט־ייִדישער פרוי, וואָס האָט צוליב דער פרומקייט פון מאַן געפירט אַ פולשטענדיק ייִדישע שטוב, אַליין זיך מגייר געווען און געזאָרגט, נישט ווייניקער פון טאַטן, אַז די קינדער זאָלן האָבן אַ רעליגיעזע דערציונג. און אין אַנטווערפּן איז עס פון די לייכטע זאַכן! איז אָבער די פרוי קראַנק געוואָרן און ווען די דאָקטוירים האָבן אויפגעהערט געבן וועלכע ס׳איז האָפענונגען — האָט זי געבעטן פאַרן טויט, אַז ס׳זאָל קומען... דער גלח. זי וויל זיך פאַר אים מתוודה זיין און אַ קוש געבן דעם צלם. קובר געווען האָט מען זי אויפן קריסטלעכן בית־עולם.

דער־אַ פאַל האָט אַ ברירה צו געבן שטאָף פאַרשיידענע „סטאַטיסטיקער״, אַז „אַלע זענען אַזוי!״ נאָר די „אַלע״ מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן, האָבן אַרויסגעוויזן פולע פאַרשטענדעניש און געשטרעבט צו האַרמאָניע מיט זייערע ייִדישע מענער, געשאַפן אין דער היים אַן אַטמאָספער פון קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ און צושטימונג, אַז עס בלייבט נאָר איבער נאָכצוזאָגן די אַלטע ווינטשעוואַניע: אויף אַ סך ייִדישע קינדער געזאָגט!

ווייל בעצם דעצידירט דער מענטש! אַ כפרה אַלע פאָראורטיילן, צוימען, אָבערגלויבנס פון רעליגיעזן צי וועלטלעכן כאַראַקטער, אויב ביידע פונעם געמישטן פּאָרל פאַרמאָגן גענוג טאַקט, פאַרשטענדעניש און טאָלעראַנץ צו פירן זייער בשותפותדיק לעבן — כדת מענטש

ווישראל... אין אַזאַ פאַל האָבן אַ ברירה אייניקע געמישטע חתונות צו זיין אַפילו אַ ברכה אי פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום אין די גלות־לענדער, ווי אויך פאַרן פּרט.

✡

די צרות הייבן זיך אָבער אָן, ווען... די שיסל ווערט איבערגעקערט. אַז דאָס כּלה־מיידל, צי ווייבל, איז אַ ייִדישע, און דער חתן־בחור, צי מאַן — אַ פראַנצויז, בעלגער, ענגלענדער צי האָלענדער. בעת פאַרן יונגן פּאָרל איז זייער שידוך כּולו ראָמאַנטיק, ליבע, אידעאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם — הייבן אָן די עלטערן פונעם מיידל גיין אויף אַ דערנער־וועג, פול מיט טראַגישע איבערלעבונגען און ראַנגלעניש, פון דראָונגען און תחנונים. טאַטע־מאַמע ווילן נישט הערן פונעם צווייטן צד. זיי זענען גרייט אין אַזאַ פאַל (ווען דער חלף ליגט שוין אויפן האַלדז!) שיקן אַפילו זייער טאָכטער קיין... ישראל.

די סיבות דערצו זענען:

א) דער אויפגעוואַכטער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין צוליבן חורבן און אַ געוויסער רעליגיעזער רעצידיוו אין די עלטערע יאָרן.

ב) די בושה פאַרן רעשט ביסל ייִדן, הגם אַ טייל פון זיי זענען אויך געשטראָפט געוואָרן מיט אַ געמישטן זיווג. דאָס מאָל דעצידירט דער „מה ייאמרו היהודים". מ'האָט מורא, ווי מע זאָגט, פאַר דער ייִדישער עפנטלעכער מיינונג.

ג) דער פּחד, אַז דער נישט־ייִדישער מאַן, דער צוקונפטיקער ראש־המשפּחה און טאָן־געבער אין דער היים, איבערן ווייב און קינדער, וועט אין איינעם אַ טאָג „ווייזן זיינע נעגל", דעמאַנסטרירן דאָס גאַנצע נעגאַטיווע און רשעותדיקע פון אַ גוי, ווי ס'איז פון דורות איינ־געפלאַנצט געוואָרן אין אונדזער באַוווסטזיין און הערצער. אויף צוויי ערטער איז מיר אויס־געקומען צו הערן בערך אַזאַ טענה פון טאַטן צו דער טאָכטער: „דער שגץ מיינט נישט דיך, נישט דיין ליבע — נאָר מיין געלט. ווי נאָר ר'וועט זיך אָנזעטיקן מיט דיר, צונעמען ביי מיר די פאָר פראַנק — וואַרפט ער דיך אָוועק, אַפילו מיט אַ קינד..."

ד) די שטרעבונג פון דער ייִדישער מאַמען און טאַטן, אַז אויך נאָך דער חתונה פון זייער קינד, זאָלן זיי האָבן אַ ייִדישע שטוב ווו אַריינצוקומען; מ'זאָל זיך קענען פאַרשטעלן און חברן מיט ייִדישע מחותנים, אַז די אייניקלעך זאָלן נישט בלייבן פאַרפרעמדט און אָפּגעריסן פון אייגענעם פאָלק און פון זיידע־באָבע.

✡

פון די פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס און אויך פון דעם וואָס כ'האָב געהערט דערציילן, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער צד שכנגד, די עלטערן פון אַ פאַרליבטן קריסטלעכן יונגערמאַן, באַציען זיך יאָ מיט טאָלעראַנץ, פאַרשטענדעניש (צי גלייכגילט!) צו די „שידוכים־אַוואַנטורעס" פון זייערע יורשים. פּונקט ווי נישט־ייִדישע מיידלעך האָבן אַ געהויבענע מיינונג וועגן זייערע צוקונפטיקע ייִדישע מענער, אַזוי האָבן נישט־ייִדישע טאַטע־מאַמע פולן צוטרוי צו זייערע מאָרגנדיקע ייִדישע שנורס. דאָס באַציט זיך אָבער צו עלטערן פון פּשוטן פאָלק, אַרבעטער, קליינע סוחרים צי באַאַמטע. רייכע עלטערן — פראַנצויזן, בעלגער צי ענגלענדער, צי אַזעלכע וואָס רימען זיך מיט אַ יחוסדיקן אָפּשטאַם, וועלן מיט נישט ווייניקער אייפער און ברען ווי די ייִדישע טאַטע־מאַמע, זיך קעגנשטעלן געמישטע חתונות.

אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער אין בעלגיע האָט מיר דערציילט, אַז גוט־סיטו־אירטע און מיוחסדיקע בעלגער ווייזן אַרויס מער פאַנאַטיזם און צוריקגעשטאַנענקייט, ווען עס קומט צו אַ הייראַט מיט אַ ייִד. אַפילו דער ווילן און גרייטקייט צו שמדן זיך, ווערט דורך אַזאַ משפּחה אָפּגעוואָרפן. אויך זיי ווילן נישט „אַ פלעק אין דער משפּחה"...

דערווייל בין איך געווען אַן עדות פון שטאַרקע פלעקן אויפן פּנים ביי ייִדישע טאַטע־מאַמע, ווען זיי האָבן פאַר מיר אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ, דערציילט וועגן אומגליק און גרויסער

בראַך וואָס ס'האָט זיי געטראָפן: די טאָכטער „גייט" מיט אַ גוי, זי וויל מיט אים חתונה־האָבן, זי האָט אים ליב...

די עלטערן האָבן אָבער ליב זייער טעכטערל, זיי ווילן איר באַשיצן פון אַלדאָס בייז, זיי לעכצן נאָך אַ ביסעלע פרייד, ווילן דערלעבן נחת פון קינד, פון אייניקלעך; דאָס שווער־אויסגעהאָרעוועטע געלט זאָל נישט „פאַרפרעמדט" בלייבן, אַז מ'זאָל אין דער פסחדיקער סדר־נאַכט קענען זיצן צוזאַמען מיטן „נאָכוווקס", מיט דער גאַנצער משפחה. זיי ווילן נישט זיין מיט די מחותנים צוויי זיך באַקעמפנדיקע און צעקריגטע לאַגערן. עס גלוסט זיך אַ ביסעלע גליק פון קינד, פון אייגן בלוט און פלייש.

דאָס קינד איז אָבער גאָרנישט אַזוי סענטימענטאַל און טריי די עלטערן, אַז ס'זאָל זיך איבערנעמען מיט זייערע ליידן. אַזאַ זון צי טאָכטער מאַכן זיך זייער חשבון. און דער רעזולטאַט: צעבראָכענע אויפן גאַנצן לעבן טאַטע־מאַמע, משפחה־אומגליקן און מחלוקתן... אַמאָל — ביזן איבערבעטן זיך: אַמאָל ווידער — אויף שטענדיק...

(י"ש ת"א, 3.3.65

# גילטיק אין אַלע לענדער

פאַראַן אַ סך אומפּינקטלעכקייט, אַרויסרופערישקייט און פּרעטענסיאָנעלקייט אינעם געס־טעמפּלטן איופשריפט אויף אונדזערע אויסלענדישע פּאַספּאָרטן — „גילטיק אין אַלע לענדער". אויב זיין טריי דעם אמת, בעט זיך צו דער אויפשריפט צוגעבן נאָך פיר ווערטער: „אויסער ביי די שכנים". אַוודאי וואָלט אַזאַ צוגאָבע געווען אַ יוצא־דופן — זי וואָלט אָבער אָפּגעשפּיגלט אַווירקלעכן און גלייכצייטיק ווילקירלעכן צושטאַנד: נאָך 17 יאָר קיום פון מדינת ישראל, מעג אירס אַ בירגער זיך באַוועגן פראַנק־און־פריי איבער צענדליקער לענדער, אויסער אין אייגענעם מרחב, ווו ס'געפינען זיך די שכנותדיקע מדינות...

די־אָ טרויעריקע מחשבה לאָזט דיך נישט אָפּ בעת דער נסיעה איבער אייראָפּע, ווייל דאָרט נייטיקט מען זיך היינט־צו־טאָג אַלץ ווייניקער אין אַריינפאָר־וויזעס, אין אויסלענדישע פּאַס־פּאָרטן, אין פינגער־אָפּדרוקן, אין חקירות און דורכדרינגעלעכע בליקן פון גרענעץ־וואַכן. צאָל־אַמטן, גרענעצן, פּאַספּאָרטן־קאָנטראָלעס — זענען כמעט ווי פאַרשוווּנדן. אַ פראַנצויזישער בירגער קאָן אומגעשטערט אויספאָרן מערב־אייראָפּע אין דער לענג און אין דער ברייט, פּונקט דאָס זעלבע קען טאָן דער איינוווינער פון איטאַליע, בעלגיע, שווייץ, סקאַנדינאַווישע לענדער. אמת, די צאָל־באַאַמטע וועלן אויטאָמאַטיש אַ פרעג טאָן אַזאַ אויסלענדער: „סיגאַרעט? וויסקי?" — אָבער נישט עפענען דעם טשעמאָדאַן צי טעקע, כדי זיי קאָנטראָלירן.

די לענדער פון „אייראָפּעיִשן מאַרק" און די וואָס געהערן צום עקאָנאָמישן שותפות אונטערן בריטישן פּראָטעקטאָראַט, האָבן אין די לעצטע יאָרן איינגעפירט גרויסע פאַרלייכטע־רונגען פאַר זייערע בירגער פאַר אַ קעגנזייטיקן טוריסטן־אויסטויש, רייזעס לשם ביזנעס, „וויקענד" און פאַרוויילונג. אין אייראָפּע איז מען נישט צעקריגט מיטן שכן, קיין שאָסן אויף די גרענעצן הערט מען נישט און די פּאָליטישע מנהיגים פון די באַזונדערע מדינות דראָען נישט איינער דעם אַנדערן מיט מלחמה, רעוואַנזש־אַקציעס, מיט אָוועקרויבן וואַסערקוואַלן...

בסך־הכל 20 יאָר זענען פאַריבער, זינט פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, דענעמאַרק און נאָרוועגן האָבן זיך געפונען אונטערן בלוטיקן אָקופּאַציע־שטיוול פון דייטשלאַנד און זינט ענגלאַנד איז מוראדיק באָמבאַרדירט געוואָרן און ס'האָט איר געדראָט די היטלעריסטישע אינוואַזיע. דאָך האָבן די רעגירונגען זיך געמאַכט פאַרגעסן אינעם חורבן און מאָרד, וועלכן ס'האָט געזייעט דאָס דריטע רייך, פּונקט ווי פעלקער ווילן פאַרגעסן. און דייטשלאַנד איז היינט־צו־טאָג איינע פון די אָנגעזעענסטע און וויכטיקסטע מיטגלידער אין דער אייראָפּעיִשער

פעלקער־משפּחה. אויך דער איינוווינער פון מערב־בערלין, מינכען און נירנבערג, קען זיך פריי באַוועגן אין אייראָפּע, אַפילו באַזוכן די ערטער, ווו ר׳האָט מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק געזייט טויט און פאַרוויסטונג...

אָבער נישט אַזוי איז די לאַגע צווישן ישראל און אירע שכנים. דאָ, אויפן נאָענטן מזרח, הגם די מלחמה האָט נישט גורם געווען צו אַזאַ ים טרערן און ליידן ווי אין אייראָפּע און עס זענען נישט געפאַלן אַזוי פיל קרבנות; הגם ישראל האָט אין דער מלחמה פון 1948 נישט אָקופּירט קיין איין אַראַבישע מדינה; קיין מאָרדן צי פאַרגאַזן קריגס־געפאַנגענע איז נישט פאָרגעקומען; אָדער דאָס באַמבאַרדירן תל־אביב דורך דער מצרישער אוויאַציע איז געווען אַ קינדערשפּיל אַנטקעגן די רוצחישע אָנפליען אויף אַ ראָטערדאַם, קאָווענטרי צי לאָנדאָן — וואַקסט אין אונדזער ראַיאָן די שנאה פון יאָר צו יאָר און מע הערט נאָך אַלץ רייד וועגן פאַר־ניכטונג, וואַרפן אין ים אַריין, אָפּמעקן די מדינה אדג״ל אאַז״וו. און די אַלע רייד ווערן באַגלייט מיט הארמאָטן־שאָסן, מיט שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש, מיט פּרוּוון צו פאַרשטאָפּן די וואַסער־מקורות, מיט באָיקאָט, העצע און איזאָלאַציע. אָבער דאָרט, אין אייראָפּע, גייט אַלץ אויף איבערבעטונג, פאַרגעסונג, מחילה, קאָאָפּעראַציע.

בעת אונדז איז געלונגען צו רעגולירן און איינשטעלן נאָרמאַלע, פריינדלעכע באַציאונגען מיט צענדליקער ווייטע פעלקער און לענדער, האָט אין נאָענטן אַרום זיך געשאַפן אַ „פרייע זאָנע״ פאַר צוזאַמענשטויסן, שנאה און שלעכטער שכנהשאַפט.

☆

דער ישראל־בירגער, וואָס בעת זיין נסיעה איבער דער זאַטער און צופרידענער אייראָפּע, פאַרגעסט נישט די היימישע צרות, געפינט ער אָבער אָן „עקוויוואַלענט״ פאַר די שלעכטע, אומפריינדלעכע שכנים: דאָס איז די באַציאונג פון אונדזערע ייִדן אין די תפוצות צו דער ייִדישער מדינה. אויב ס׳איז ריכטיק, אַז די ישראל־בירגער געפינען זיך כסדר אויף דעם פראָנט — זענען די ייִדן אין דער דיאַספּאָרע דאָס הינטערלאַנד. אַ הינטערלאַנד נישט נאָר אין סימבאָלישן זין, נאָר גאָר ממשותדיק און קאָנקרעט ווייזן זיי אַרויס אַ סך עמאָציע, אידענטיפיצירונג, ליבע און טריישאַפט דער ייִדישער מדינה.

אַוודאי איז היינט נישט דאָ כמעט קיין ייִד אין אייראָפּע, וועלכער זאָל נישט האָבן אַ נאָענטן צי ווייטן קרוב דאָ אין לאַנד. אָבער זייער באַציונג צו ישראל גייט ווייט אַריבער די גרענעצן פון משפּחהדיקייט. דאָס איז אַ נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע סאָלידאַריטעט און ליבע פאַרן לאַנד, וואָס באַקומט אירע אויסדרוקן אין פאַרשיידענע פאָרמען.

אין די פיל ייִדישע היימען, וועלכע כ׳האָב באַזוכט אין אייראָפּע, האָט אומעטום געהאַנגען אויף די ווענט אַ ישראל־בילד, אַ לאַנדשאַפט־געמעל, קעראַמיק־אויסאַרבעטונגען, געפעסן, פאַרשיידענע „צאַצקעס״ פון תוצרת הארץ. אין אַ שטאָט אין בעלגיע, אויף דער גרענעץ מיט פראַנקרייך, איז אויף דער פראָנט־וואַנט געהאַנגען אַ גרויס בילד פון טעאָדאָר־זאב הערצל. אין דער שטאָט וווינען סך־הכל פינף ייִדישע פאַמיליעס — אויף 20 טויזנט איינוווינער... אין אַנטווערפּן האָט מען דערלאַנגט משקה אין ישראלדיקע גלעזער און דערביי זיך פאַרגעשטעלט מיט דער פלאַש „כרמל״־וויין. אין אַמסטערדאַם זענען אויף אַ טיש געשטאַנען לייכטער, אויס־געאַרבעט אין תל־אביב. אין לאָנדאָן איז אין ביוראָ פון אַ גרויסער פאַבריק (150 אַרבעטער!), וועמענס אייגנטימער זענען ייִדן, געהאַנגען אַ הערלעך ישראלדיק בילד פון אַ באַרימטן היגן מאָלער — „דער ייִד מיטן אתרוג״.

דאָס אַלץ זענען, אַזוי צו זאָגן, די אויסערלעכע פאָרמען פון ייִדישן בונד מיט דער ייִדישער מדינה. פאַראַן היינט גאָר ווייניק ייִדן אין די תפוצות, וועלכע זאָלן נישט טראַכטן און מיטלעבן אינערלעך מיט דעם וואָס קומט פאָר אין לאַנד.

מיר איז אויסגעקומען צו זען אין בריסל, אויף דער טעלעוויזיע, דעם גאַנצן פאַרלויף פונעם

קווישבאַל־פאַרמעסט, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַריז צווישן די רעפּרעזענטאַנצן פון ישׂראל און פראַנקרייך. די אויגן האָבן ממש נישט געגלויבט: ייִדישע יוגנט אין פראַנקרייך, וועלכע איז אין גרויסע צאָלן געקומען אויפן שפּיל־פּלאַץ, האָבן מיט אויסגעשרייען און אַפּלאָדיסמענטן געמוטיקט די ישׂראלדיקע שפּילערס. אַז די פראַנצויזן האָבן דערגרייכט 2 פונקטן, זענען די ייִדישע צושויער (פראַנצויזישע בירגער!) געוואָרן אומעטיק, פונקט ווי די ייִדישע טעלעוויזיע־צוקוקער אין מערבֿ־אייראָפּע. און יעדער געטראָפענער ישׂראל־באַלעם אין פראַנצויזישן קיישל האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג און פריידי ביי די זעלבע ייִדן. און — הערט און שטוינט: איינער פון די צושויער האָט אַפילו געהאַלטן די ישׂראלדיקע פאָן!

— איר פאַרשטייט אַ מעשׂה? — זאָגט מיין שכן ביי דער טעלעוויזיע. — אויפן גאַנצן שפּיל־פעלד זעט מען נישט קיין פראַנצויזישע פאָן — און דאָ האָבן ייִדישע יאַטן אין פּאַריז מיטגעבראַכט און אויפגעוויקלט אַ פאָן מיט די עמבלעמען פון דער ייִדישער מדינה, כּדי דערמוטיקן די ישׂראלדיקע ספּאָרטלער. נישט זיי האָבן מורא אַז מע וועט זיי באַשולדיקן אין „דאָפּלטער לאָיאַליטעט”, נישט זיי דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז די פראַנצויזישע שפּילערס וועלן זיך פילן דערפון געטראָפן. דווקא די־אַ יוגנט, וואָס איז געוויינלעך אַסימילירט, ווייזט דאָ אַרויס אַזאַ דעמאָנסטראַטיווע צוגעבונדנקייט צו ישׂראל. וועלכעס פאָלק און מדינה האָט נאָך אַזאַ וווּנדערבאַר הינטערלאַנד? מיר דאָ אין בריסל, ביים אַפּאַראַט, פונקט ווי די בחורים דאָרט אין פּאַריז, צאַפּלען און לעבן מיט יעדן מיסערפאָלג פון די ישׂראלים ביים באַלעם. הייַנט שטעלט זיך פאַר אונדזער איבערלעבונג, ווען מיר הערן וועגן שאָסן ביי די גרענעצן, וועגן אַראַבישע דראָונגען!

צומאָרגנס איז מיר אויסגעקומען שמועסן מיט אַ ייִדישן יוגנטלעכן פון אַנטווערפּן וועגן באַפאַרשטייענדיקן פוסבאָל־פאַרמעסט ישׂראל—בעלגיע. איך פרעג אים:

— וועמענס נצחון ווילסטו?

ער ענטפערט: — ישׂראלס.

איך פרעג ווידער — פאַרוואָס? ביסט דאָך געבוירן אין בעלגיע, אַ היגער בירגער שוין 24 יאָר. אַפילו ישׂראל נאָך נישט באַזוכט — און ווילסט זי זאָל אייך, בעלגער, באַזיגן?

— ערשטנס, בין איך אַ ייִד און דערפאַר וויל איך די ישׂראלים זאָלן זיגן. צווייטנס, זענט איר די שוואַכערע — און איך האַלט נישט מיטן שטאַרקן...

אַט־אַ דער אַלטרואיסטישער און נאַציאָנאַלער צוגאַנג פון אַ געוויינלעך אַסימילירטן ייִדישן יונגערמאַן, באַווייזט, אַ וואָסערע טיפע וואָרצלען די מדינה האָט געשלאָגן אַפילו ביי אַזעלכע, פון אונדז אָפּגעפרעמדטע ייִדישע קינדער.

צוזעענדיק פון דער נאָענט, ווי אחינו בני ישׂראל טראַכטן און לעבן מיט מדינת ישׂראל, האָט זיך געוואָלט געבן אַן אייגענעם פּירוש צו דער אויפשריפט אויפן פּאַספּאָרט „גילטיק אין אַלע לענדער”:

אין די אַלע לענדער ווו עס וווינען ייִדן, איז דער אויסלענדישער פּאַספּאָרט, וואָס סימבאָליזירט דעם באַגריף און מהות פון מדינת ישׂראל, גילטיק פאַר זיי ווי אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון גייסטיקע עמאָציעס און נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. די ייִדישע מדינה איז פאַר זיי טרוימען, האָפענונגען און — — אַן אַדרעס פאַר אַן עת צרה.

אַוודאי וואָלט גוט געווען, ווען מיר לעבן בשלום מיט די שכנים. נאָר כּל־זמן אַזעלכעס געשעט נישט — איז דאָס „ייִדישע הינטערלאַנד” אין דער דיאַספּאָראַ אַ טרייסט אין אונדזער לאַגע.

(י״ש ת״א, 25.3.65)

# מיט קראַשניקער יידן אין פראַנקרייך

א.

אין די חדשים אָקטאָבער־נאָוועמבער 1971 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין פראַנקרייך און אין בעלגיע אין אַ געזעלשאַפטלעכער שליחות פון ישראל. ווי דער רעדאַקטאָר פונעם יזכור־בוך „ספר קראַשניק", האָב איך געהאַלטן פאַר נייטיק צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן קאָמיטעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט און דעריבער אָנגעשריבן אַ קורץ בריוול צו פריינד זשאַרזש גאָרפינקעל. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון די עטלעכע אָנגעשריבענע ווערטער צו אַ ווייניק באַקאַנטן מיר קראַשניקער ייִד, איז געבוירן געוואָרן אַ זייער לעבעדיקער קאָנטאַקט און צוזאַמענאַרבעט, קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און אַמתע חברשאַפט צווישן מיר און אַ גאַנצע ריי יידן פון קראַשניק, וואָס געפינען זיך שוין צענדליקער יאָרן אין דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך; אַ צוזאַמענאַרבעט, וואָס בעצם האָט זי באַדאַרפט זיך פירן בלויז אויפן לאַנדסמאַנשאַפטלעכן באָדן, דער עיקר וואָס שייך דעם ספר, אָבער אין אַ גאָר קורצער צייט זיך אַנטוויקלט אין פערזענלעכער פריינדשאַפט און נאָענטקייט.

די דאָזיקע פריינדשאַפט האָט אויך אָנגעהאַלטן אַ סך חדשים, שוין נאָך מיין אומקערן זיך קיין ישראל.

ב.

פאַר אַלעמען — וועגן געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענטרעפן:

מיר איז אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין עטלעכע זיצונגען פון קאָמיטעט. די הויפּט־טעמע איז געווען, פאַרשטייט זיך, אונדזער יזכור־בוך, וואָס דער גרעסטער טייל מאַטעריאַלן האָבן זיך שוין געפונען אין דרוק. זעלטן ווען כ׳האָב זיך אָנגעטראָפן אויף אַזאַ איבערגענומענקייט, זאָרג און אחריות פאַר אַ בוך וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן. אייניקע חברים האָבן נאָך געהאַט ביי זיך אָנגעשריבענע זכרונות, אָבער נישט געוואָלט זיי איבערגעבן פאַרן בוך, קוים וועט ער ניט אַרויסקומען ווי ס׳געהער צו זיין, אפשר וועט דער ספר ניט אָפּשפּיגלען דאָס שטעטל ווי ס׳איז פאַרבליבן אין זייער זכרון און געמיט נאָך אַזוי פיל יאָרן פון צעשיידונג. מאַקס זילבערבערג וויל וויסן גענוי ווי אַזוי וועט אויסזען דאָס בוך — לויטן אינהאַלט, די גראַפישע זייט, די בילדער. ער רעדט כסדר וועגן „קוואַליטעט" און מען פילט אין די רייד ערנסטקייט און באַציונג. זשאַק פאַרבער, איינער פון די אַקטיווע קעמפערס אין דער רעזיסטאַנס, זאָגט צו צו שרייבן נאָך און נאָך וועגן די קראַשניקער אין פאַריז אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. און ער האָט וואָס צו דערציילן. דער קאָמיטעט־מיטגליד אנרי וועלער האָט זיין סיפּור המעשה פון יענע שרעקלעכע יאָרן שוין אָפּגעדרוקט אינעם גרויסן, דאָקומענטאַרן בוך פון די ייִדישע קאָמבאַטאַנטן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. לייבטשע טאָפּעל וויל וויסן צי וועט דאָס קאַפּיטל אוישוויץ אַרויסגעבראַכט ווערן אין אַ גענוגנדיקער מאָס. זשאַרזש גורפינקעל איז צופרידן וואָס די איניציאַטיוו פון די פאַריזער אַרויסצוגעבן דעם ספר יזכור — באַקומט ענדלעך „הויט און ביינער" און וועט בקרוב דערזען די ליכטיקע שיין. זשאַרזש לעדערפיין, הגם אַ צוגעקילטער, מיט היץ — האָט זיך אויך צוגעשטעלט צו דער זיצונג.

אויף אַ צווייטן צוזאַמענטרעף זאַמלט מען די טעקסטן און געלט פאַר די נעקראָלאָגן. יעדער וויל אין אַ באַזונדערן נעקראָלאָג פאַראייביקן די אומגעקומענע קרובים, געפינען אַ תיקון פאַר די פאַרפייניקטע ייִדן...

ג.

דער טראַדיציאָנעלער יזכור־אָוונט איז פאָרגעקומען אינעם מעמאָריאַל־זאַל פונעם מוזיי פון ייִדישן מאַרטירער אין פאַריז. די שארית הפליטה באַגערט אין אַזאַ אָוונט זיך מתייחד צו

זיין מיטן אָנדענק פון די קדושים. איך האָב באַוווּנדערט די רעטאָרישע קראַפט און מאַראַלישן כוח פון דער פרוי סוזאַן זילבערפּיין, לייבטשע טאָפּעל און אַנדערע קאַצעטלער, וואָס האָבן דערציילט אויפשוידערנדיקע דערינערונגען פון זייערע איבערלעבונגען אין די לאַגערן. אויפן פּרעזידיום־טיש שטייט אַן איינפאַך הילצערן קעסטעלע מיט זאַמד, ווו עס זענען אַריינגעשטעלט זעקס ליכט — גענוי ווי אין די בתי־מדרשים און שילן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, באַזונדערס צו כל נדרי. דאָ, אין פּאַריז, האָט דאָס קעסטעלע מיט ברענענדיקע ליכט אַ ספּעציעלע אויסשפּראַך — אַ פאַרוואָרפענע בריק צווישן אונדזער פאַרגאַנגענהייט און דער קעגנוואַרט.

און צום סוף, נאָכן טרויער, זיפצן און טרערן — אַ געלט־זאַמלונג פאַר ישראל. קראָשניקער ייִדן אין פראַנקרייך, אַפילו נאָך אַזאַ יזכור־אַקט, פאַרגעסן ניט אין דער ייִדישער מדינה. און זיי גיבן מיט אַ ברייטער האַנט און וואַרעם האַרץ פאַר די באַדערפענישן פון אונדזער לאַנד.

צומאָרגנס פירט מיך זשאָרזש גורפינקעל אויפן בית־עולם פּאַנטען, ווו עס געפינען זיך די קברים און מצבות פון קראָשניקער. צוויי אָנגעזעענע מאָנומענטן: איינער פאַר די דערשאָסענע, פאַרפייניקטע און דעפּאָרטירטע; דער צווייטער — איבער די 28 קברים פון געשטאָרבענע לאַנדסלייט. דאָרט איז מען קובר צו צוויי נפטרים, איינע איבער אַנדערע. די דאָזיקע „קאָמפּאַקטקייט" נאָכן טויט סימבאָליזירט אַוודאי דאָס נאָענטע האַלטן זיך אויך ביים לעבן. זשאָרזש דערציילט מיט אַ סך קענטעניש די געשיכטע פון יעדן מאַרטירער און פון יעדער משפחה וואָס זענען געברענגט געוואָרן צו קבר ישראל אויף אַ פּאַריזער בית־הקברות, ווו בסך־הכל איין אַלייע טיילט אים אָפּ פונעם קריסטלעכן צמענטאַזש. אָבער אונדזערע בר־מיננס האָבן פון דער דאָזיקער נאָענטער, ניט־ייִדישער שכנות גאָרניט פאַרלוירן פון זייער ייִדישקייט, בפרט נאָך, אַז אויף די מצבות איז תמיד פאַראַן דער מגן־דוד, ייִדישע אותיות, אַפילו בילדער.

ד.

ס'איז אַ טעות צו מיינען, אַז די „געזעלשאַפט פריינד פון קראָשניק" אין פּאַריז פאַרנעמט זיך בלויז מיט די קדושים, מאַרטירער און פאַרשטאָרבענע. זייער אַקטיווע, לעבעדיקע טעטיקייט איז אויך פאַר די לעבן־געבליבענע. איינמאָל אין יאָר קומט פאָר אַ באַל, אָדער יערלעכער באַנקעט. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער באַל אין יאָר 1971 זאָל זיך צונויפפאַלן מיטן 60סטן געבוירן־טאָג פון וויצע־פּרעזידענט זשאָרזש גורפינקעל. פאַרשטייט זיך, אַז אויף אַזאַ פייערונג לאָזן זיך הערן רעדעס, באַגריסונגען, עס שפּילט אַן אָרקעסטער, עס טרעט אויף אַ זינגערין. מיך האָט אָבער אינטערעסירט — און כ'האָב עס געפונען! — היימישע אַטמאָספער, נאָענטקייט, צוגעלאָזנקייט. בעסער געזאָגט: משפּחהדיקייט פון אַ קראָשניקער שבט וואָס האַלט זיך אינטים־באַזאַמען אין אַזאַ קאָסמאָפּאָליטישער שטאָט ווי פּאַריז. ווער שמועסט נאָך, אַז נאָך אַזאַ גרויסער שמחה מיט שאַמפּאַניער און גוטן מאַלצייט, פאַרגעסט מען נישט אין אַ קראַנקן לאַנדסמאַן און עטלעכע קאָמיטעט־מיטגלידער לאָזן זיך גלייך אַוועק מבקר־חולה זיין דעם לאַנגיאָריקן געוו. פּרעזידענט פון דער סאָסיעטי.

אָט דאָס הייסט נוסח קראָשניק...

ה.

און איצט — עטלעכע ווערטער וועגן קראָשניקער הכנסת־אורחים: מיין באַזוך אין פּאַריז איז ניט געווען אויף אַ לאַנגע צייט. וואָס צו טאָן האָב איך דאָרט געהאַט און צו דעם אַלעמען נאָך געווען באַוואָרפן מיט איינלאַדונגען — איבערן קאָפּ — צו באַזוכן פריינד, משפחה און אייגענע לאַנדסלייט (לובלינער). ווער אָבער האָט געקענט אָפּזאָגן דער גאַסטפריינטלעכער צודרינגלעכקייט פון פאַני און זשאָרזש גורפינקעל? ווער איז געווען מסוגל ניט אָנצו־

נעמען די איינלאַדונגען צו באַזוכן די היימען פון די זילבערבערגס, לעדערפיינס, גאָלדבוימס? איין קראַשניקער, זשאַרזש לעדערפיין, „באַרגט אויס" אַפילו זיין זון וואָס רעדט ייִדיש און דעם אויטאָ וואָס פירן מיך אַוועק אויף אַ אומפאַרגעסלעכן באַזוך אין ווערסיי־פּאַלאַץ און אַנדערע מערקווירדיקייטן.

די טעטיקייט פאַר די לאַנדסלייט און זייער אָרגאַניזאַציע, זייער ליבע צו מדינת ישראל, זייער גאַסטפריינדלעכקייט און מענטשלעכע באַציִונג — וואָלטן געמעגט דינען אַלס ביישפיל אויך פאַר גרויסע לאַנדסמאַנשאַפטן ווי אַזוי האַרמאָניש צונויפפּאָרן דאָס פּערזענלעכע מיטן געזעלשאַפטלעכן, דאָס לאָקאַלע מיטן נאַציאָנאַלן, דאָס אינדיווידועלע מיטן משפחהדיקן — ניט געקוקט אויף די פאַראַנענע פּאָליטישע מיינונג־פאַרשידנהייטן, ווי דער שטייגער ביי ייִדן.

ניטאָ קיין פּאַסיקערע ווערטער אויף אויסצודריקן באַוווּנדערונג און אָנערקענונג פאַר אַזאַ געבענטשטער טעטיקייט און רירנדיקער מענטשלעכקייט, ווי דער טראַדיציאָנעל־ייִדישלעכער (און במילא — קראַשניקער) „יישר־כוח!" (ספר קראַשניק, ת"א, 1973)

# יידן אין טראַנזיט

לויטן פּלאַן, האָט דער פלי מיט „אל־על" פון לוד קיין מאָנטעראַל באַדאַרפט דויערן פון 6.30 באַגינען ביז בערך 5 אָוונט. נאָר פּאַקטיש האָט די נסיעה זיך געצויגן פון האַלב אַכט אין דער פרי ביז האַלב צען אָוונט, ד. ה. גאַנצע 14 שעה — און געשען איז עס דערפאַר, ווייל דער ישראלדיקער זייגער האַרמאָנירט נישט מיט געאָגראַפישע מרחקים. צומערשט האָט מען אין פּאַריז באַדאַרפט צוריקרוקן די ווייזערס מיט אַ שעה, און דערנאָך אין מאָנטרעאָל — מיט גאַנצע 6 שעה. האָט זיך באַקומען, אַז בעת מיר האָבן אין עראָפּלאַן שוין געהאַט אָפּגעגעסן אָוונטברויט, האָט מען אין מאָנטרעאָל געוואַרט אויף אונדז מיט... מיטיק.

דער צוריקשפּרונג פון זייגער מיט גאַנצע 7 שעה, האָט מיר דערמאָנט דאָס יאָר 1948, ווען כ'בין ווי אַ נייער עולה אָנגעקומען אין חיפהער פּאָרט אין דער נאָר־וואָס אַנטשטאַנענער ייִדישער מדינה — און מ'האָט באַדאַרפט אַ רוק געבן די ווייזערס מיט 2 שעה פאָרויס, וואָס האָט געמיינט, אַז כלפּי דער ישראלדיקער צייט איז מען געווען הינטערשטעליק. אָבער אין די לענדער ווי פראַנקרייך און קאַנאַדע, איז דער זייגער הינטערשטעליק לגבי דעם ישראלדיקן. אין מיינע אויגן איז עס געווען עפּעס מער ווי אַ סימבאָל, אַז אויך געוויסע ייִדן פון די לענדער האָבן נישט מיטגעשפּאַנט מיט דער צייט...

אין פראַנקרייך דויערט די לאַנדונג העכער 2 שעה. מיר באַקומען אַרויסגאַנג־דערלויבע־נישן מיטן אויפשריפט „טראַנזיט". נאָר די פּאַסאַזשירן פון „אל־על" ווערן איבערגעפירט אין אַ באַזונדערן, איזאָלירטן וואַרט־זאַל. די זיכערהייט־מיטלען זענען גאַנץ בולטע, דער עולם הערט נישט אויף צו שמועסן און קאָמענטירן די געשעענישן מיט אַ צייט צוריק אויף דעם פּאַריזער עראָפּאָרט „אָרלי", ווען אַראַבישע טעראָריסטן האָבן, אָן דערפאָלג, זיך פאַרמאָסטן ווידער אַמאָל צו שעדיקן דער ישראלדיקער לופט־קאָמוניקאַציע.

איבער 2 שעה איז מען פאַרשפּאַרט אינעם נישט באַקוועמען זאַל, וואָס גיט אַ געלעגנהייט צו שליסן קאַנטשאַפט און פאַרפירן געשפּרעכן. נישט ווילנדיק, בין איך אויך געוואָרן אַריינגע־צויגן אין אַזאַ אימפּראָוויזירטן „סימפּאָזיום".

### דער ישיבה־בחור, זייגער־מאַכער און „יורד"

מיסטער סאָלאָמאָן, אַ זייגערמאַכער און ביזשוטעריע־הענדלער פון טאָראָנטאָ, האָט נאָך אויפן פלי־פעלד אין לוד געזוכט ממש מיט ליכט אַ ייִד אויף צו כאַפּן אַ שמועס. כ'ווייס נישט

פאַרוואָס, ער האָט גראָד מיך אויסגעקליבן פאַרן קרבן. נאָך אין עראָפּלאַן האָט ער מיר דערציילט, אין אַ קוים פאַרשטענדלעכן ייִדיש, זיינע איבערלעבונגען אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי אַ סאָלדאַט אין דער טשעכישער דיוויזיע פון גענעראַל סוואָבאָדאַ, שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואַקיי. דאָקעגן אינעם ענגן וואָרטזאַל אין פּאַריז האָט ער מיך צורו געלאָזט און גענומען שטאַרק איינטענה׳ן מיט אַ ישיבה־בחור, צי אַ יונגן אָרטאָדאָקסישן רב פון ניו־יאָרק. פון דער ווייטנס האָב איך באַמערקט, ווי דער פרומער יונגער־מאַן האָט מיט כעס אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און פאַרלאָזט זיין מיטשמועסער. דער ווידער האָט זיך צו מיר צוגעשאַרט און מיט גאווה געזאָגט:

— איך האָב אים, דעם ישיבה־בחור פון אַמעריקע, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ ייִד מיט באָרד און פיאות דאַרף וווינען אין ישראל — און נישט אין אַמעריקע...

— אוודאי בין איך מיט אייך מסכים, אַז ייִדן מיט בערד צי אָן בערד, דאַרפן זיך באַזעצן אין דער ייִדישער מדינה. אָבער וואָס איז מיט אייער עולה זיין? פאַרוואָס מיינט איר, אַז אַ ישיבה בחור פון ניו־יאָרק דאַרף גיכער זיין אין ישראל, איידער אַ סוחר פון קאַנאַדע? — פרעג איך דעם הער סאָלאָמאָן.

— איך בין אַ סך עלטער פון אים, דעם רב׳ל, און כ׳האָב שוין מיינס געטאָן פאַרן ייִדישן פאָלק אויף די שלאַכטפעלדער אין אייראָפּע, אין די יאָרן 1939—1945. דער פרומער באַי איז דורכגעזאָפּט מיט ייִדישקייט, דערצו איז ער נאָך יונג, — דאַרף ער פאָרן קיין ישראל.

איך פרעג ווידער דעם צודרינגלעכן ייִד, צי איז אויסגעהאַלטן צו פּרעדיקן אַנדערע עליה און אַליין בלייבן אין טאָראָנטאָ. מיסטער סאָלאָמאָן זעט נישט אין דעם קיין שום סתירה. אַ באַווייז: ציוניסטישע מנהיגים אין קאַנאַדע פּרעדיקן שוין יאָרן־לאַנג, אַז אַנדערע זאָלן זיך באַזעצן אין ישראל, בעת אַליין רירט מען זיך נישט פון אָרט. אויב „פּראָפעסיאָנעלע״, צי אַפילו אידעישע ציוניסטן פירן זיך אַזוי, מעג ער, אַ פּשוטער ייִד, נאָכטאָן זייערביישפּיל...

צו אונדזער געשפּרעך שליסט זיך אָן אַ געזונטער, רויט־פּנימדיקער מאַן פון אַ יאָר פערציק. לויט זיין ייִדישן אויסשפּראַך איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ ליטוואַק. דערהערנדיק ווי מען רעדט וועגן עליה און ציוניזם, לייגט ער גלייך אַרויס זיין „וויזיט־קאַרטע״ פון אַ יורד, וואָס איז מיט אַ פרוי און צוויי זין געפאָרן מיט 5 יאָר צוריק קיין קאַנאַדע זוכן גליקן, נאָר ר׳איז שוין גרייט צוריק צו פאָרן, אויב די מדינה וועט אים געבן די זעלבע הנחות און פּריווילעגיעס, ווי זי גיט די נייע עולים פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער.

איך בין נייגעריק צו וויסן, צי פאַר זיין פאַרלאָזן ישראל, האָט ער אויך דער קאַנאַדער רעגירונג געשטעלט באַדינגונגען וועגן פּריווילעגיעס. אויף דעם באַקום איך נישט קיין ענטפער. ביי דער געלעגנהייט פרעג איך שוין, וואָס טוט ער אין טאָראָנטאָ און וועלכע גליקן האָט ער דערגרייכט אין דעם נייעם לאַנד.

— איך האָב אַ טראָק, אַ לאַסט־אויטאָ, מיט וועלכן כ׳פיר שניי. אין די זומער־חדשים זוכט מען אַנדערע באַשעפטיקונגען. נאָר ווען כ׳האָב די זעלבע רעכט פון אַ נייעם עולה, קום איך צוריק מיט דער פאַמיליע קיין ישראל.

— איך האָב פאַר אייך אַ בעסער געשעפט — רופט זיך אָן דער טאָראָנטער זייגערמאַכער, — וואָס דאַרפט איר רייניקן דעם שניי פון די גאַסן? און וואָס איילט איר זיך צוריק קיין ישראל? די ייִדישע מדינה וועט אייך אויפנעמען צו יעדער צייט. פאַראַן ביי מיר אַ לאַגער פון זייגערלעך, וועלכע איר וועט קענען פאַרקויפן ווי אַ הויזירער, אַ פּעדלער, אויף גוטע באַדינ־גונגען. אַלס קויציע און גאַראַנטיע נעם איך ביי אייך דעם טראָק — און איר נעמט זיך צו פאַרקויפן מיין סחורה.

דער יורד שטעלט אַן מויל און אויערן. ער נעמט זיך אויספרעגן איינצלהייטן וועגן די פאַרגעלייגטע ביזנעס און ר׳האָט שוין פאַרגעסן, אַז מיט אייניקע מינוטן פריער האָט ער געוואָלט זיך אומקערן קיין ישראל, הגם מיט אַ באַדינג. אויך דעם זייגערמאַכער איז אַרויס פון זכרון, אַז ערשט נישט לאַנג האָט ער געפּרעדיקט מאָראַל אַ ישיבה־בחור עולה צו זיין. איך זוך אַ געלעגנהייט צו פאַרלאָזן די דאָזיקע נישט סימפּאַטישע געזעלשאַפט און רוף זיך אָן:

— איר זייט טאַקע די ריכטיקע ייִדן אין טראַנזיט. איר בײדע, פּונקט ווי דער ניו־יאָרקער רב, אָדער ווי אַ טייל ציוניסטישע מנהיגים. די מדינה איז ביי אייך בלויז אַן ענין פון עמאָציע — נישט פון עליה.

## דריי פּריוויליקע מיידלעך

אין זעלבן וואַרט־זאַל אויפן פּאַריזער עראָפּאָרט, האָבן זיך אויך געפונען דריי מיידלעך, וואָס האָבן געשמועסט צווישן זיך אין עברית, מיט אַן ענגלישן דיאַלעקט. אַ סברה, אַז זיי האָבן אין מיר דערקענט אַ ישראלדיקן ייִד, ווייל איינע פון זיי פרעגט מיך:

— צו וועלכער קיבוצישער באַוועגונג געהערט אשדות־יעקב?

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די דריי חנעוודיקע ייִדישע טעכטער זענען געקומען פּריוויליק אַרבעטן אין קיבוץ: איינע פון פילאַדעלפיע, איינע פון לאָנדאָן און איינע פון מאָנטרעאָל. שוין מערער ווי אַ האַלב יאָר אַז זיי האָבן פאַרלאָזט טרייע עלטערן, וואַרעמע היימען און הויכע לערן־אַנשטאַלטן, כדי העלפן ישראל מיט אַרבעטן אין אַ קיבוץ. האָבן זיי דאָרט געאַרבעט און ליב באַקומען יענעם לעבנס־שטייגער פון שותפות, פון גלייכהייט, פון אידעע. איצט פאָרן זיי צוריק צו די עלטערן, כדי זיי מודיע זיין וועגן באַשלוס זיך אומצוקערן קיין ישראל. אויף מיין פראַגע, צי וועלן טאַטע־מאַמע זיי אָפּוואַרטן אויפן עראָפּאָרט אין לאָנדאָן צי פילאַדעלפיע, ענטפערט מען מיר, אַז ס׳איז אויסגעשלאָסן, ווייל זיי האָבן נישט צוויסן געגעבן וועגן אָנקום. זיי ווילן בפירוש איבעראַשן די עלטערן, פּונקט ווי ס׳וועט פאַר זיי זיין אַן איבעראַשונג דער באַשלוס צוריק צו קומען אין קיבוץ.

איך מאַך זיי אויפמערקזאַם, אַז ס׳איז נישט שיין אַזוי צו האַנדלען לגבי נאָענטע מענטשן, וואָס זענען תמיד באַזאָרגט וועגן זייערע קינדער. אַ סברה, אַז דאָס מיידל פון מאָנטרעאָל איז מערער „פּסיכאָלאָג" פון מיר. זי שניידט אָפּ קורץ:

— וואָס ווייסט אַ ישראל־ייִד פון גלות־עלטערן? נאָר מיט אַן איבעראַשנדיקער האַסטיקער דעציזיע, מיט אַ „שאָק" — וועל איך גיכער באַקומען זייער הסכמה, ווי מיט תחנונים־רייד. ווייל אויב כ׳לאָז זיך אַריין אין אויפקלערונגען, וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען. איר זעט די אויפשריפט אויפן צעטל — „טראַנזיט" — אַזעלכע וועל איך בלייבן אַ גאַנצן לעבן, אויב כ׳דעצידיר זיך נישט צו האַנדלען מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט. כ׳וויל זיין אַ סטאַבילע איינוווינערין ביי זיך אין לאַנד, אין ישראל — און נישט „טראַנזיטעוון" מער...

ס׳איז מיך באַפאַלן אַ חשק צו קאָנפראָנטירן דעם זייגערמאַכער, רב און „יורד" מיט די דריי מיידלעך — נאָר אַ פראַנצויזישער פּאָליציאַנט האָט געעפנט די אַרויסגאַנג־טיר פון וואַרט־זאַל און באַפוילן צו גיין צום עראָפּלאַן. מיר שטייגן איין אינעם „באָינג" פון „אל־על", וואָס שטייט גאַנץ נאָענט פונעם עראָפּלאַן פון דער קוווייטער פלי־קאָמפּאַניע.

נאָך אַ 15 מינוט — און מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין — קיין מאָנטרעאָל.

(י״ש ת״א, 7.5.75)

# מאַנטרעאַל וויל אויפהאַלטן יידיש לעבן

אַריינפאַלן פונעם זוניקן לאַנד ווי ס׳איז ישראל, אין דער שניי־פראָסטיקער קאַנאַדע — איז אַ גאַנצע איבערלעבונג. די קעלט דרינגט אַריין אין אַלע ביינער, אַפילו דורך די פון פריער צוגעגרייטע ווינטער־מלבושים. צענדליקער שטאָטישע אויטאָס רייניקן די גאַסן פונעם געדיכט אָנגעפאַלענעם שניי, כדי דער פאַרקער זאָל נישט געשטערט ווערן. אָבער פון הימל האַלט אין איין שיטן און שיטן... מאָנטרעאַל, די הויפּט־שטאָט פון דער קוויבעקער פּראָווינץ, איז איינגעהילט אין ווייסן און דורכגענומען מיט קעלט.

דאָקעגן אין די ייִדישע היימען איז וואַרעם. אויך די אויטאָס, אין וועלכע גאַסטפריינטלעכע ייִדן פירן דיך אויף פאַרשידענע באַזוכן, זענען גוט אָנגעהייצט. און פון די עטלעכע ייִדישע אינסטיטוציעס, וועלכע מיר איז געלונגען צו באַזוכן אין משך פון דעם 9־טאָגיקן באַזוך אין דער דאָזיקער שטאָט — שלאָגט מיט וואַרעמקייט און אַפילו מיט בטחון. נישט אַנדערש, מאָנטרעאַל וויל מיט אַלע כוחות אויפהאַלטן אַ ייִדיש לעבן.

פאַר וואָס און פון וואַנען אַזאַ איינדרוק? אַן אויבערפלעכלעכער אַריינבליק און פונעם אויסהערן אינפאָרמאַציע — שאַפט זיך אַ פּאָזיטיוו בילד. נאָר לאָמיר דערציילן מיט אַ סדר, לויט דער ריי פון די באַזוכן.

### דער אַרבעטער־רינג

קנאַפּע טויזנט מיטגלידער ציילט די דאָזיקע פראַטערנאַלע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז צעטיילט אין צען צווייגן (ברענטשן). צום אַקטיוו און צו דער אָנפירונג געהערן טאָקע בונדיסטן, נאָר דער רוב פון זיי איז נישט מסכים מיט דער אָפיציעלער שטעלונג פון „בונד", ווי זי קומט צום אויסדרוק אין די אַרטיקלען פון ד״ר עמנואל שערער. מעגלעך דערפאַר באַטייליקט זיך דער אַרבעטער־רינג אין די זאַמלונגען פאַרן פאַרייניקטן אַפּיל, די מיטגלידער גיבן געלט פאַר ישראל מיט אַ ברייטער האַנט. די אָפטע צוזאַמענטרעפן („מיטינגס", אויף זייער לשון) פון די באַזונדערע ברענטשס, טראָגן גיכער אַ פאַמיליאַרן כאַראַקטער, מיט אַליין פאַרגרייטן כיבוד — נאָר די טעמע ישראל פאַרנעמט אָפט דעם אויבנאָן.

זאָל מען נישט מיינען, אַז זייער טעטיקייט איז נאָר פאַר עלטערע מענטשן. אייניקע צוגאָב־שולן וועלכע דער אַרבעטער־רינג האָט אויפגעשטעלט אין מאָנטרעאַל און אינעם דערבייאיקן שטעטל שאָמעדי באַוויזן, אַז די זאָרג פאַר קינדער־דערציונג און בילדונג אין ייִדיש, פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט. דער ועד הקהילה סובווענציאָנירט די דאָזיקע שולן, אָבער נישט מיטן פולן אויסהאַלט. די אַנדערע מיטלען ווערן געשאַפן פון שכר־לימוד, באַזונדערע אַקציעס און אַז״וו.

די מיטגלידערשאַפט, טריי זייער אָפּשטאַם פון מזרח אייראָפּע, ווו מ׳איז געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו און אידעאַליסטיש, פאַרנעמט זיך אויך מיט פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן — אינטערנאַציאָנאַלע, ווי קאַנאַדישע. אָבער צו דער פּראָבלעמאַטיק פון מדינת ישראל — קומט עס נישט...

מיט שטאָלץ און הנאה דערציילט מיר א. אירליכט, דער לעבעדיקער נערוו פון דער אָרגאַניזאַציע, וועגן די קולטור־אויפטוען. אַן אייגענער כאָר, פאַרוויילונג־אָוונטן, יובל־פייערונגען און ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, וועלכע ציען תמיד צו אַ גרויסן, בכבודיקן עולם. די יאָרצייט־אַקטן פאַר מ. באַריישאַ, איציק מאַנגער, משה נאַדיר, מרדכי געבירטיק — און זיי צו לאַנגע יאָר די אָוונטן לכבוד (און מיטבאַטייליקונג) פון ש. ל. שניידערמאַן, יהודה עלבערג, מלך ראַוויטש, ד״ר רות וויס, ישראל פיגאַ, פּראָפ׳ אַרטור לערמער און ש. ראָזשאַנסקי, און די קאָנצערטן פון סידאָר בעלאַרסקי און בען באָנוס — אילוסטרירן אַמבעסטן דעם פיינעם געשמאַק, טיפן אינטערעס און אויפריכטיקן ווילן צו פלעגן דאָס בעסערע ייִדישע וואָרט.

דער אַרבעטער־רינג איז אויך גרייט צו אָנגאַזשירן זיך פֿאַר יִידיש אין ישראל דורך אויפֿשטעלן אין מאָנטרעאָל אַ קאָמיטעט פֿאַרן בית לייוויק אין תּל־אָבֿיבֿ און דעם יִידישן שרייבער־פֿאַריין.

## אין ציוניסטישן אַרבעטער־צענטער

אויך דער באַזוך אינעם ציוניסטישן אַרבעטער־צענטער, אָדער ווי ער רופֿט זיך בקיצור פֿאַרבאַנד — איז דערמוטיקנדיק. פֿריינד י. גובערמאַן, וואָס שטייט בראש פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, דערציילט זאַכלעך און צופֿרידן, אַז „זיין" פֿאַרבאַנד ציילט איבער טויזנט דריי הונדערט מיטגלידער, אויסער די „פּיאָנערן־פֿרויען" מיט זייערע 500 חברטעס. ס'איז אויך טעטיק די יוגנט־באַוועגונג „הבונים", אַן עליה־אָפּטיילונג, אַפֿילו יִידישע פֿראָפּ־פֿאַראיינען.

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, וואָס אידעאָלאָגיש און אָרגאַניזאַציאָנעל באַטראַכט ער זיך ווי אַ פֿיליאַל פֿון דער ישׂראלדיקער הסתדרות, נעמט אַרום פֿאַרשידענע פֿאַלקס־אָרגאַניזאַציעס און לאַנדסמאַנשאַפֿטן, הגם ער גופֿא איז אונטערגעאָרדנט דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס — די בכבודיקע דאַך־אָרגאַניזאַציע פֿון די אָרטיקע יידישע געזעלשאַפֿטן און אינסטיטוציעס. בכלל איז דאָס קאַנאַדער יידנטום גוט אָרגאַניזירט. די פֿאַר־שידענע קולטורעלע און פּאָליטישע אונטערנעמונגען ווערן צאָלרייך באַזוכט. אויך מצד דער רעגירונג איז פֿאַראַן די פֿולע פֿאַרשטענדניש פֿאַר יִידישע ענינים. פּרעמיער טרודאָ האָט פּערזענלעך זיך באַטייליקט און באַגריסט דעם אָנהייב פֿון די זאַמלונגען פֿאַרן יונייטעד דזשואיש אַפּיל.

דער פֿאַרבאַנד איז באַזונדערס שטאָלץ מיטן ציפֿער פֿון 350 יוגנטלעכע פֿון „הבונים", וואָס געפֿינען זיך איצט אין די קיבוצים אין ישׂראל. אַזאַ דערגרייכונג האָט נישט דער אַרבעטער־רינג, פּשוט דערפֿאַר ווייל ער באַשעפֿטיקט זיך נישט מיט עליה. איך בין באַזונדערס צופֿרידן פֿון דעם ציפֿער, ווײַלכער „באַלאַנסירט" אין אַ געוויסער מאָס די ירידה פֿון ישׂראל קיין קאַנאַדע, הגם צום ריכטיקן באַלאַנס — איז נאָך זייער, זייער ווייט...

דער פֿאַרבאַנד זאָגט זיך אויך נישט אָפּ צו באַשעפֿטיקן מיט אַזעלכע „פּראָזאַישע" זאַמלונ־גען, ווי די אַקציע פֿאַר מעות חיטים, וועלכע עס פּראָקלאַמירט דער קאַנאַדער יִידישער קאָנ־גרעס. הייסט עס, אַז אויך אין דער רייכער, זאַטער קאַנאַדע, זענען פֿאַראַן יִידן, וואָס נייטיקן זיך אין שטיצע אויף פּסח... (און ווער ווייסט, וויפֿל יורדים צווישן זיי).

דער געדרוקטער טעטיקייט־באַריכט פֿאַרן יאָר 1974 דערציילט וועגן אַן אַ שיעור אַקטי־וויטעטן — און נישט דאָ איז דאָס אַרט אויסצורעכענען זיי אַלע. נאָר די נעמען פֿון די באַזונ־דערע צווייגן אין פֿאַרבאַנד זאָגן אַמבעסטן עדות וועגן אידעישער נאָענטקייט און אידענטי־פֿיצירונג: נחמן סירקין צווייג, בערל כצנלסון, פּינסקי־וואָלאָווסקי, יהואש און זשיטלאָווסקי־צווייג.

נישטאָ קיין שטאַרקע אידעאָלאָגישע אונטערשיידן צווישן די צוויי אָרגאַ־ניזאַציעס, הגם דער אַרבעטער־רינג ציט זיין יניקה פֿון אַמאָליקן „בונד", און דער פֿאַרבאַנד — פֿון דער פּועלי־ציון באַוועגונג. ביידע פֿאַרשטייען די וויכטיקייט פֿונעם דאָ און דאָרט, ביידע טוען אַ סך אויף צו שטאַרקן יִידיש לעבן אין קאַנאַדע און העלפֿן דער יִידישער מדינה. אמת, נישט מיטן זעלבן אימפּעט און אמונה, ווייל די אַלטע ניואַנסן און טענדענצן זענען געבליבן. נאָר פֿאַרט אָן יענער שאַרפֿקייט פֿון קעגנזאַצן, ווי אין דער פֿאַרמלחמהדיקער אייראָפּע.

## אין רעדאַקציע פֿון „קענענדער אָדלער"

מיין טרייער באַגלייטער און גאַסטגעבער אין מאָנטרעאָל, סעם ברייטער, פֿירט מיך אין זיין אויטאָ אין דער רעדאַקציע פֿון דער יִידישער וואָכנשריפֿט „קענעדער אָדלער". אַן איבעריקע

צערעמאָניעס און פריערדיקער מעלדונג, נעמט אונדז אויף דער רעדאַקטאָר, י. גאַלאַי, אַ ייִד פון באַראַנאָוויטש, וואָס געפינט זיך אין קאַנאַדע שוין 48 יאָר. ער דערציילט, אַז פון 1907 ביז 1963 איז דער „אָדלער" דערשינען ווי אַ טעגלעכע צייטונג. דערנאָך, אין משך פון אַנדערהאַלבן יאָר — 2 מאָל אין וואָך. איצט — יעדן דאָנערשטיק.

ווי דער שטייגער, הייבט מען אָן רעדן וועגן דעפיציטן און וועגן דער שלעכטער לאַגע פון דער ייִדישער פרעסע אין די תפוצות. ביז 20 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר פעלט דער צייטונג, זי זאָל האָבן אַ זיכערע עקזיסטענץ. פריינד גאַלאַי דערמאָנט זיך, אַז אין „מיין" שטאָט לובלין, וואָס האָט אַמאָל געציילט אַ 45 טויזנט ייִדן, איז יעדן טאָג דערשינען דער „לובלינער טאָגבלאַט", בעת די 130 טויזנט יידן אין מאָנטרעאָל זענען נישט מסוגל אויסצוהאַלטן אַן אייגענע טאָג־צייטונג. אַפילו ווי אַ וואָכן־שריפט — איז די לאַגע נישט קיין זיכערע. פרעג איך, צי דאָס פערסאָנאַל (אגב — אַ ביז גאָר באַשיידנס) באַקומט רעגולערן געהאַלט, איז דער ענטפער, אַז „געהאַלט איז דאָ — נאָר מען צאָלט נישט"... דערביי הער איך אַ גאָר שאַרפע טענה, צווישן אַנדערע, אויפן אַדרעס פון „אל־על" און פון ישראלדיקן טוריסטיק־מיניסטעריום, הלמאי זיי אַנאָנסירן זיך בלויז אין די ענגלישע צייטונגען, ביים גלייכצייטיקן בויקאָטירן די איינציקע יידישע צייטונג. אַלע ווענדונגען טרעפן זיך אָן אָדער אויף אַ ציניש ענטפער („יידן וועלן במילא באַזוכן ישראל, אָן רעקלאַמע און אַגיטאַציע"), אָדער אויף אַ סטאַנדאַרטע תשובה — „נישטאָ קיין געלט"... שרייבן וועגן און קעגן דעם, וויל נישט קיין שום רעדאַקטאָר פון אַ ייִדישער צייטונג. מ׳וועט דאָך אים פאַרוואַרפן אַז ער העצט קעגן ישראל, אויב ער קריטיקירט אונדזערס אַ מיניסטעריום, צי די נאַציאָנאַלע פלי־געזעלשאַפט. ייִדן וועלן נעמען טומלען, אַז דער „קענעדער אָדלער" שעדיקט די אינטערעסן פון ישראל! „נאָך דאָס פעלט מיר אויס" — באַמערקט מיט איראָניע י. גאַלאַי. מזז ער דעריבער בכבודו ובעצמו, מיט דעם קאַרגן פער־סאָנאַל זיינעם, שאַפן אַנאָנסן פון יידישע פירמעס און אויך געניסן פון ברכות צו יידישע שמחות, אָדער, להבדיל, פון נעקראָלאָגן. אַ דאַנק דעם איז די צייטונג מסוגל צו ראַנגלען זיך פאַר איר עקזיסטענץ.

דער פאַל „קענעדער אָדלער" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אָן אויסנאַם יידיש־צייטונגען אין די תפוצות: דער זעלבער געראַנגל פאַרן עצם קיום, די זעלבע „משוגענע" און אידעאַליס־טישע רעדאַקטאָרן, און די זעלבע... קאַלטקייט פונעם אָרטיקן ייִדישן ישוב צו זייער לאָקאַלער צייטונג. מ׳איז נאָך גאַנץ ווייט צו זיין פולע, ערנסטע לייענערס פון דער ענגלישער פרעסע, נאָר קודם האָט מען זיך אָפגעזאָגט פון דער ייִדישער צייטונג.

בעת מיין באַזוך אין מאָנטרעאָל, האָט דער „קענעדער אָדלער" זיך געגרייט צו פייערן (דעם 27.4.75) 65 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַ וויכטיקע פייערונג, מיטן אָנטייל פון אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. אַ מאַניפעסטאַציע פון טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט פון דער ייִדישער מאָנטרעאָל צו דער צייטונג. נאָר דאָס אָרט וווּ דער יובל־אָוונט האָט באַדאַרפט פאָרקומען, האָט אַרויסגערופן אַ מאָדנע אַסאָציאַציע: אין דער חברא קדישא אודיטאָריום... איך ווייס נישט, צי צוליב דעם הויכן עלטער, צי דערפאַר ווייל ס׳האָט זיך נישט געפונען קיין אַנדערער זאַל, האָט מען געמוזט אָנקומען צום חברה־קדישא אודיטאָריום.

אַ טרויעריקע מחשבה באַפאַלט דיך פון דעסט וועגן, צוליב דער לאַגע פון אַ יידישער צייטונג אין אַ ייִדישער תפוצה.

דער פאַרדרוס איז נאָך גרעסער, ווען מען באַזוכט אין דער זעלבער שטאָט אַזעלכע מאָדערן איינגעאָרדנטע און גוט פונקציאָנירנדיקע אינסטיטוציעס, ווי די קהילה, די פאָלקס־ביבליאָטעק, די פאָלקס־שול און די לובאַוויטשער ישיבה.

## די פאָלקס־ביבליאָטעק

נעמט אַזאַ אינסטיטוציע ווי די פאָלקס־ביבליאָטעק. אַפילו אויסערלעך — די געביידע, דער אַריינגאַנג, די איינריכטונגען, אָרדענונג, ריינקייט און אַטמאָספער — שאַפן גלייך דעם איינדרוק פון אַן אמתדיקן קולטור־פּאַלאַץ. 5000 לייענערס און מיטגלידער געניסן פון דעם ביכער־אוצר — אַ ציפער וואָס איבעראַשט און דערמוטיקט. ערשט מיט קאַרגע 2 יאָר צוריק איז מען אַריבער אין דער נייער געביידע, אַ געשאַנק פונעם מאָנטרעאַלער שטאָטראַט און דער קוויבעקער פּראָווינץ־רעגירונג. בראש פון דער ביבליאָטעק שטייט דער געניטער און ענערגי־שער דירעקטאָר פּאָול טרעפּמאַן, אַ פריינדלעכער מכניס־אורח, וואָס פירט אַרום דעם ישראל־דיקן גאַסט אין די ליכטיקע און ציכטיקע שטודיר־זאַלן, ווו סטודענטן און שילערס זיצן איבער ספרים, לייענען און שרייבן; אין דער קינדער־אָפּטיילונג, פון וועלכער איבער טויזנט שלמהלעך און יאָסעלעך געניסן פון ביכער אין ענגליש, פראַנצויזיש, העברעיש און יידיש; די לייי־ביבליאָטעק, מיט אַ באַזונדערן אויסוואַל און עשירות פון יודאַיסטיק; אין דער אָפּטיילונג פון פילמען וועגן ישראל און אַלגעמיין־יידישע טעמעס; אין די גראַמע צימערן מיט ענציקלאָ־פּעדיעס, ווערטער־ביכער, אַטלאַסן און וויכטיקע יידישע רעפערענץ־קוואַלן; אין די זאַלן מיט צייטשריפטן, בראשונה, אויסשניטן און יקר־המציאותן, וועלכע איר וועט נישט געפינען אַפילו אין ייוואָ; אין די אַרכיוון מיט אודיאָ־וויזועלע מאַטעריאַלן, ווי קלאַנג־און בילדער־לענטעס, ליכט־בילדער אויף יידישע טעמעס, רעקאָרדירטע קאָנצערטן פאַר ליבהאָבערס פון קלאַסישער מוזיק, וועלכע מען קאָן הערן יעדן זונטיק נאָכמיטאָג.

דער רייכער און שיין אָפּגעדרוקטער פּראָגראַם פון די קולטור־אונטערנעמונגען פאַרן ערשטן האַלבן יאָר פון 1975, דערציילט וועגן עפנטלעכע לעקציעס, רעפעראַטן און סימפּאָזיומס אויף וויכטיקע טעמעס, אויסער דעם קומען פאָר סעמינאַרן אין העברעיש, לעקציעס אין ענגליש, פראַנצויזיש און יידיש. אַן אָוונט צום דערשיינען פון חנה און יאָסל מלאָטעקס „פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור", אויסער צענדליקער אַנדערע אונטערנעמונגען איבער קולטור און ליטעראַטור־פּראָבלעמען.

די פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל איז אָן שום ספק אַ פּערל (אויב נישט — אַ געשליפענער ברילאַנט) אינעם גאַנצן יידישן ביבליאָטעק־וועזן אין די תפוצות און אין ישראל.

## איין שול מיט... 43 קלאַסן

דער הויכוווקסיקער און גאַסטפריינטלעכער פּרינציפּאַל פון דער פאָלקס־שול, נחום ווילטשעסקי, אַליין אַן אַבסאָלווענט פון דער דאָזיקער שול, דערציילט מיר, נאָך אַ שפּאַציר איבער די קלאַסן און קאָרידאָרן פונעם רחבותדיקן בנין, אַז אין דעם אַנשטאַלט לערנען 776 שילערס, פון דער פּרעבל־שול, ביזן 6־טן קלאַס, און אין צווייטן בנין, די פריערדיקע י. ל. פּרץ שול, לערנען 356 שילערס — אַ קימאַ־לן פון 1.132 תלמידים. אַז מיר וועלן צו דעם צוגעבן אַזעלכע ציפערן, ווי 75 לערערס און לערערינס, 15 ספּעציאַליסטן פאַר מוזיק, ספּאָרט, פראַנצויזיש, 32 קלאַסן פון דער עלעמענטאַר־שול און 11 גימנאַזיע־קלאַסן — איז גלייך פאַראַן אַ בכבודיק בילד וועגן פאַרנעם פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע. דער יערלעכער בודזשעט באַטרעפט אַרום 2 מיליאָן דאָלאַר, פון וועלכן די קוויבעקער רעגירונג דעקט אַ 40% און נאָך 60% לאָזט זיך איינשאַפן פון שכר־לימוד, פון סובווענצן פון ועד הקהילה און פון אַ קאַמפּיין צווישן מאָנטרעאַלער יידן (וואָס ברענגט אַריין 100 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר), צו דערגענצן דעם שכר־לימוד פאַר יענע קינדער, וועמענס עלטערן זענען נישט מסוגל צו באַצאָלן דעם פולן פּרייז.

אינטערעסאַנט, אַז די חינוך־אָפּטיילונג פון דער סוכנות איז נישט קיין שותף צום בודזשעט, נאָר באַגנוגנט זיך מיט צושיקן לערן־מאַטעריאַל. די רייכע אויסשטאַטונג פון דער שול, די אייגענע ביבליאָטעק, די אַפּאַראַטור צו לערנען שפּראַכן, די שפּילרייען און טייפּ־רעקאָרדערס

באַווייזן, אַז די שול האָט געשפּאַנט מיט דער צייט און זיך באַזאָרגט מיט אַלע נייטיקע מכשירים אויף צו לערנען און דערציען די איבער עלף הונדערט ייִדישע קינדער.

די געשיכטע פון דער שול הייבט זיך אָן נאָך אין יאָר 1911. נאָך אַ ריי גלגולים, איז מיט עטלעכע יאָר צוריק פאָרגעקומען די פאַראייניקונג פון דער פּרץ־שול מיט דער פאָלקס־שול און ס'איז געשאַפן געוואָרן דער צענטראַלער, אַנערקענטער און חשובער לערן־אַנשטאַלט אין מאָנטרעאָל. ערשט היי־יאָר וועט צום ערשטן מאָל זיין אַן אַרויסלאָז־קלאַס. די שול וואַקסט, אַנטוויקלט זיך, זי איז אָבער נישט אימשטאַנד צו שאַפן נייע קלאַסן, סיי צוליב בודזשעטאַרע טעמים, ווי אויך צוליבן מאַנגל אין צימערן.

די קינדער דאָרט פילן זיך פריי און נאָענט צו די לערערס און צום פּרינציפּאַל. מיט אַ סך טעם און קענטעניש שטעלן זיי פאָר פאַרן גאַסט פון ישראל אייניקע „נומערן" פון געזאַנג און דעקלאַמאַציע אין ייִדיש און אין עברית.

### „איין גאַס אין דער יידישער וואַרשע האָט פאַרמאָגט מער יידישקייט ווי גאַנץ קאַנאַדע און אַמעריקע"...

מיינע פריינד אין מאָנטרעאָל ריידן מיך שטאַרק צו צו באַזוכן די אָרטיקע לובאַוויטשער ישיבה, וואָס איר אָפיציעלער נאָמען איז „תומכי תמימים" לובאַוויטש. בעצם זענען דאָס דריי ישיבות: אַ פאָלקס־שול מיט 200 תלמידים; אַ גימנאַזיע מיט 180 תלמידים און די ישיבה — 110 בחורים. די גימנאַזיע געפינט זיך אויסער דער שטאָט.

אין „תומכי תמימים", וועמענס גרינדונג דאַטירט זיך פון יאָר 1941, אין שאַנכיי, מיט 9 תלמידים, לערנען ייִדישע יונגעלייט אויך פון אַמעריקע, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער. פאַראַן אַ תלמידים־אויסטויש מיט ישראל. די ישיבה־בחורים פון דער פּראָווינץ און פון אויסלאַנד, געניסן פון אַן אינטערנאַט. גמרא לערנט מען אין ייִדיש. אַ גרויסער טייל פון די וואָס ענדיקן די ישיבה, בלייבן אין חינוך.

הרב לייב קרעמער, וואָס שטאַמט פון כעלם און האָט באַלאַנגט צו די 9 פּליטים פון פּוילן, וואָס זענען מגולגל געוואָרן קיין שאַנכיי, איז איצט דער פאַרוואַלטער פון דער לובאַוויטשער ישיבה אין מאָנטרעאָל. אויך ער ענטפערט מיר מיט אַ קרעכץ, ווען כ'באַריר די פראַגע פון בודזשעט, וואָס באַטרעפט אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. נישט געקוקט אויף דעם וואָס „תומכי תמימים" פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דער מאַפּע פון ישיבות אין די תפוצות, מוז מען יעדן יאָר פירן אַ קאַמפּיין. און ער ווערט געפירט לויט אַלע מאָדערנע כללים פון פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג. הרב קרעמער גיט מיר אַ פיינע אויסגאַבע מיט בילדער און טעקסטן אין ייִדיש און ענגליש. פאַראַן דאָרט אַזאַ מין ווענדונג:

> „ווערט אַ גאָווערנער! מיט אייער יערלעכער באַשטייערונג פון הונדערט דאָלאַר און העכער פאַרזיכערט איר די עקזיסטענץ פון דער ישיבה און אייער נאָמען וועט ווערן פאַרשריבן צווישן די עמודי התורה אויף דעם ,גאָווערנערס טאָוול'".

איך פרעג, וויפל „גאָווערנערס" זענען פאַראַן? הרב קרעמער גיט נישט אָן קיין גענויעם ציפער. ער באַגנוגנט זיך מיט אַן אַלגעמיינעם זאָג „ברוך השם, עס פעלט נישט אויס". אים מאַטערט אָבער אַן אַנדער פּראָבלעם: ייִדישקייט גייט אונטער! מיט אַ סך עצבות זאָגט ער:

> „איין גאַס אין דער פאַרמלחמהדיקער יידישער וואַרשע האָט פאַרמאָגט מער יידישקייט ווי גאַנץ קאַנאַדע און אַמעריקע..."

איך וויל אויך כאַפּן אַ שמועס מיט איינעם פון די ישיבה־בחורים — נאָר כ'וועל דאַרפן וואַרטן לאַנג, ביזן איבערייס. לאָזט מען זיך דערווייל אַוועק אין דער וויכטיקסטער יידישער אינסטיטוציע אין מאָנטרעאָל — די קהילה.

דער ועד הקהילה אין מאָנטרעאָל איז די דאַך־אָרגאַניזאַציע פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן אין שטאָט. ווי האָט עס דערקלערט הרב העכטמאַן, דער עקזעקוטיוו וויצע־דירעקטאָר פון דער קהילה: „צו אונדז געהערן אַלע ייִדן — פון סאַטמאַר ביזן ‚בונד׳ און מיר באַדינען טאַקע אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט״. איך וויל וויסן די גענויע צאָל פון רעגיסטרירטע ייִדן — און צו מיין גרויסער איבעראַשונג ווייזט זיך אַרויס, אַז ס׳איז נישט פאַראַן אַזאַ רשימה. די קהילה פירט נישט קיין נאָמענטלעכע רעגיסטראַציע פון די 125—130 טויזנט ייִדן אין מאָנטרעאָל.

ווי יעדער קהילה, זאָרגט זי קודם כל פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן, און דעם אויבנאָן פאַרנעמט דער ענין פון כשרות. פאַר דעם צוועק ווערט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין ענגליש(?!) „כשרות — איר וויכטיקייט און באַדייטונג״; אַ ספּעציעלע רשימה פון אַלע כשרע פיש און פון די געשעפטן ווו מען פאַרקויפט כשרע שפייז; אַ באַזונדערער כשרות־דעפּאַרטאַמענט, וואָס פאַרעפנטלעכט אַזאַ מין ווענדונג: „אַלע סאָרטן עופות מוזן האָבן ספּעציעלע כשרות־פּלאָמבעס, צוגעדריקט צום פליגל״.

דער ועד הקהילה פירט אַ גאַנץ אַנגעזעענע פאַרלעגערישע טעטיקייט — פאַרן אייגענעם געברויך און פאַרן... סאָוויעטישן יידנטום. „די שטימע פון ועד״ דערשיינט 4 מאָל אין יאָר אין ייִדיש, ענגליש און פראַנצויזיש; אַ ליכט־בענטשן קאַלענדאַר פאַר שבתים און יום־טובים; אַ בראָשור „אַ פענצטער צום מזרח״ (אין ענגליש), מיט באַריכטן וועגן די אויפטוען פון דער מאָנטרעאָלער ייִדישער קהילה פאַר די ייִדן אין רוסלאַנד.

אין וואָס באַשטייען די דאָזיקע אויפטוען? מיט גרויס הנאה אינפאָרמירט מיך הרב שעכטמאַן:

— ביז איצט האָבן מיר אָפּגעדרוקט עטלעכע אויפלאַגעס פון סידורים, חומשים און מחזורים, מיט איבערזעצונגען אויף רוסיש — און זיי ווערן איבערגעשיקט קיין ראַטנפאַרבאַנד. איך אַליין האָב שוין באַזוכט מאָסקווע אַ 7 מאָל אין דער לעצטער צייט. איצט גרייטן מיר אַ געקירצטן שולחן־ערוך אין רוסיש, צונויפגעשטעלט פון פּראָפ׳ באַראַנאָווער...

איך פאַרשטיי, אַז הרב העכטמאַן איז אַ גאַנצער „איינגייער״ אין דער סאָוויעטישער מדינה, ווו מ׳דערלויבט אים אויך אָפּצוזעצן זיין „סחורה״. מאַך איך אים אַ קאָמפּלימענט, אַז בעת ער באַזאָרגט די רוסישע ייִדן מיט... ייִדישקייט, האָט זיי ישראל געגעבן נאַציאָנאַלע דערוואַכונג און מוט צו קעמפן פאַר די רעכט פון עליה.

די באַאַמטע אין דער קהילה זענען העפלעכע, ענטפערן צו דער זאַך און שאַפן אַ געפיל, אַז דער ענין (צי ענינים) פון די פעטענטן ווערלן דערליידיקט ווערן — אויב משפּטן לויט די רעסאָרטן מיט וועלכע די קהילה פירט אָן: ועד הרבנים; בית־דין; פרידנסגעריכט; תורה יוגנט־קאָונסיל; עזרת־תורה פאָנד; סאָציאַלע הילף; חינוך; אָפּטיילונג פון פאַמיליע־פּראָבלע־מען; איבערזעצונגען און באַשטעטיקונגען.

☆

נאָכן באַקענען זיך מיט דער טעטיקייט פון אייניקע ייִדישע אינסטיטוציעס אין מאָנטרעאָל, מיט דער קהילה בראש, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז די דאָזיקע שטאָט פירט אָן ערנסטן, אחריותפולן געראַנגל אויפצוהאַלטן ייִדיש לעבן אין אַ ים פון אַסימילאַציע און פרעמדקייט. די טרעגערס פון דעם קאַמף זענען די ייִדן פון מזרח־אייראָפּע און אויך דער צווייטער דור פון דער שארית הפליטה, וואָס גיבן אַ המשך דעם אָרגאַניזירטן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי טוען זייער אַ סך — אָבער פאַרט נישט אַלץ, אַז מאָנטרעאָל זאָל זיין מסוגל צו זיכערן אַ פעסטערן נאַציאָנאַלן קיום פאַר אחינו בני ישראל.

(י״ש ת״א, 21.5.75 ; 4.6.75)

# אויך טאָראָנטאָ ראַנגלט זיך פאַר ייִדישן קיום

דער מילדער קלימאַט אין טאָראָנטאָ, נאָך דער פאַרשנייטער און קאַלטער מאָנטרעאָל, מאַכט עטוואָס לייכטער דאָס געמיט. אויך דאָס ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין טאָראָנטאָ, די הויפּטשטאָט פון דער אָנטאַריאָ־פּראָווינץ, איז מילדער און שטילער, ווי אין דער רעזידענץ פון דער קוויבעק־פּראָווינץ. געהערט דאָך טאָראָנטאָ צו דער בכבודיקער מאַפּע פון שטעט מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג, ווו עס גייט אָן אַ כסרדיקער געראַנגל אײַנצוהאַלטן ייִדישן קיום, המשך און אידענטיפיצירונג מיט ישראל, הגם מען פאַרגעסט נישט דערבײַ די אָרטיקע אינטע־רעסן. מען בויט און שאַפט דאָרט, כדי צו פעסטיקן דעם דאָ. מ׳וויל אַ שטאַרקע ייִדישע מדינה, כדי אַליין זיך פילן פעסט. ס׳איז אַ קעגנזײַטיקע באַווירקונג און אויסשטראַלונג.

## „מיר שאַפן אַ געפיל פון לעבן — און נישט פון לעצטן עטאַפּ"

ווען די ייִדישע טאָראָנטאָ וואָלט אײנציק און אַליין זיך רעפּרעזענטירט מיט איר עלטערן־היים (צי בית־אבות, אָדער מושב זקנים), איז עס שוין אַ גענוגנדיקער באַווייז פון געוואָגטער איניציאַטיוו, זעלטענעם אויפטו און קאָלאָסאַלער דערגרייכונג. איך האָב אַמאָל געהערט פון אַ טוריסט, ווען מיר האָבן באַזוכט דעם פּרעכטיקן קבר פון ראָטשילדן אין זכרון יעקב, אַז „אַזוי איז כדאי צו שטאַרבן". נאָכן באַקענען זיך מיט דער עלטערן־היים אין טאָראָנטאָ, בעט זיך ממש צו פאַראַפראַזירן דאָס ווערטל פון יענעם טוריסט: „אַזוי איז כדאי צו לעבן אויף דער עלטער"...

די באַפעלקערונג פון דעם מושב זקנים איז צונויפגעשטעלט פון דריי גרופּן: סתם אַלטע לייט (372 אין צאָל), פון 70 יאָר אָן און מערער; אַ 150 כראָניש קראַנקע אין שפּיטאָל; נאָך אַ 150 וואָס קומען אַהער פאַרברענגען אַ „וויקענד" — פרײַטיק און שבת.

פונקט אַזוי זענען פאַראַן 3 סיבות אַנצוקומען אַהין:

א) ווען עלטערן ווילן „אָפּטאָן" זייערע קינדער, איבערײַסן מיט זיי אַלע באַציִונגען, דעריבער „אַנטלויפן" זיי אין בית אבות.

ב) ווען קינדער ווילן זיך באַפרײַען פון אַלטע טאַטע־מאַמע און אָרדענען זיי אײַן אין דעם אַנשטאַלט.

ג) ווען קינדער זאָרגן אויפריכטיק פאַר אַ גוטער, וואַרעמער היים פאַר זייער פאָטער און מוטער, וואָס זענען דערגאַנגען צו אַ הויכן עלטער.

אָבער אין אַלע דריי פאַלן איז מען אין יענעם מושב זקנים פאַרזיכערט מיט כל טוב.

פון דעם 600־פּערזאָניקן פּערסאָנאַל (אַ גרויסער טייל פון זיי — נעגעריִנס און נעגערס), טיילט מען מיר צו צוויי ייִדיש־רײדנדיקע באַאַמטינס: ליבא קעי און איוו ענגעיס, וואָס דערציילן מיט אַ סך העפלעכקייט און קלאָרער שפּראַך, ביים גלײַכצײַטיקן אַרומפירן איבערן גרויסן בנין, די „קאָנצעפּציע" פון דער דאָזיקער ליכטיקער אינסטיטוציע:

— מיר שאַפן ביי די מענטשן אַ געפיל פון לעבן און ווילן זיי מאַכן פאַרגעסן, אַז דאָס איז טאַקע דער לעצטער עטאַפּ. נישט איינער פון די דאָזיקע אַלטע לייט האָט געזאָגט, אַז „אויך אין אונדזערע יאָרן קאָן מען אָנהייבן צו לעבן"...

וואָס דאָרט איז אַלץ פאַראַן! זויבערקייט, אָרדענונג, העפלעכקייט, ליכט און לופט, שמייכלען אויף טריט און שריט. און צו דעם אַלעמען — די בעסטע מעדיצינישע באַהאַנדלונג, פיזיאָטעראַפּיע, בעדער, גימנאַסטיק, אויסגעשטאָטע אַמבולאַטאָריומס, באַרימטע דאָקטוירים וואָס אַרבעטן עטלעכע שעה אין וואָך פרײַוויליק; וואַרשטאַטן, אין וועלכע מען באַשעפטיקט אַפילו זקנים מיט איין האַנט און אויך די וואָס זיצן אין וועגעלעך.

קומט טאַקע פאַר יעדעס יאָר אַן אויסשטעלונג פון די האַנט־אַרבעטן, וואָס געפעלן שטאַרק דעם קונה. אַ באַווייז — פאַראַן פון דעם אַ ריינע הכנסה פון 100 טויזנט דאָלאַר אַ

יאָר. ספּעציאַליסטן לערנען אַפילו רײדן די װאָס האָבן פאַרלױרן דאָס לשון — און אַלץ מיט גוטע רעזולטאַטן.

איך האָב גראָד בײגעװױנט אַ לעקציע פון... טאַנצן, נישט נאָר פאַר די װאָס האַלטן זיך אױף די פיס, נאָר אױך פאַר די געלײמטע, מיט אָפּגעשטאָרבענע פיס, װאָס באַנוצן זיך מיט װעגעלעך. זײ, אַנשטאָט טאַנצן, פּאַטשן מיט די הענט צום טאַקט פון דער מעלאָדיע, בעת זײ װערן געפירט אין ראָד דורך יונגע מײדלעך, װאָס קומען פרײַװיליק כאַפּן אַ טענצל מיט די, װאָס האָבן אװדאי נישט געחלומט, אַז בײַ 80—90 יאָר װעט מען זיך פאַרנעמען מיט דער כעאָרעגראַפישער קונסט.

די פנימער פון דעם אַלטװאַרג שײַנען פון גליק און פרייד. דו פילסט, אַז צו די אַלע פאַרגעניגנס װעלכע מען טוט זײ דאָ אָן, איז די שעה פון טאַנץ אפשר די דערהױבנסטע. ס׳איז דאָך אַ בפירושער צוריקקער צו די יוגנט־יאָרן.

פאַר די פרויען פונקציאָנירן שײנהײט־אינסטיטוטן און קאָסמעטיק־צימערן. פאַראַן אױך אַ „מאָדע־שעה״, מיט אַ רעװיע פון נײַע קלײדער און בלוזקעס. באַשטימטע שעהן פאַר קאָנצערטן, רעפעראַטן, קולטור־אימפּרעזן. אַ ביבליאָטעק, אַ שיל מיט אַן אָנדענק־טאָװל נאָך פאַרשטאָרבענע, װאָס האָבן זיך געװאָלט פאַרײביקן.

בעת מײַן װיזיט אין טאָראָנטער עלטערן־היים, האָט דאָרט באַזוכט אַן עקסקורסיע פון די אָנגעשטעלטע פונעם עלטערן־הױז אין ביװערטאָן, קאַנאַדע. דאָס פּערסאָנאַל פון יענער שטאָט איז געקומען לערנען (און כ׳בין זיכער — אױך באַװונדערן) װי אַזױ צו פירן זײער אַנשטאַלט. און דאָ איז טאַקע פאַראַן אַ סך צו לערנען. האַלעװײ װאָלטן מיר געהאַט די מיטלען צו שיקן די אָנגעשטעלטע פון די ישראלדיקע בתי־אבות (װאָס אַ טײל פון זײ דערמאָנען גיכער אַ „הקדש״), זײ זאָלן זיך אַראָפּכאַפּן אַהין אױף אַ קורצן באַזוך־ און באַקומען לעקציעס װי אַזױ זיך באַציען צו די זקנים, אַז דערנאָך בײַ אונדז אין לאַנד, זאָלן זײ קאָנען זאָגן מיט דער זעלבער אױפריכטיקײט װי דאָס האָבן מיר געזאָגט די צװײ באַגלײטערינס:

— מיר האָבן זײ ליב — און זײ האָבן אונדז ליב.

צװישן די לאָקאַטאָרן פון דעם הױז זענען אױך פאַראַן אַזעלכע װאָס האָבן נישט געקענט װױנען און לעבן צוזאַמען מיט אַנדערע, שױן אָפּגערעדט מיט די אײגענע קינדער. אָבער אין טאָראָנטער בית אבות האָבן אױך די „האַרטנעקיקע״ זיך צוגעפּאַסט צום גײסט פון דעם הױז.

800 דאָלאַר אַ חודש קאָסט דער אױפהאַלט. די װאָס האָבן צו באַצאָלן, איז דאָך קײן פראַגע נישט. די װאָס האָבן נישט — צאָלן מיט זײער עלטער־רענטע. אַזױ אַרום איז דער בודזשעט אַ געזיכערטער, בפרט נאָך, אַז די אָנטאַריאָ־רעגירונג דעקט דערפון אַ דריטל.

די זקנים װױנען אין מאַקסימאַלער באַקװעמלעכקײט — צװײ אין אַ צימער. אױך דאָרט מערקט זיך, סטאַטיסטיש, אַז פרויען לעבן לענגער פון מענער. פון די העכער 600, געהערן 2/3 צום א. ג. אײדעלן געשלעכט, און 1/3 — מענער.

איצט בױט מען נײַע געבײדעס — אַ גאַנץ שטעטל, מיט דירות פאַרן פּערסאָנאַל. נאָך הונדערטער װעלן װערן אױפגענומען און גענױסן פון אַ זאַטן, צופרידענעם לעבן. דער באַקאַנטער פסוק „אל תשליכנו לעת זיקנה״, אין די באַדינגונגען פון טאָראָנטער עלטערן־היים — קלינגט נישט אַזױ פאַטאַל און אָפּשרעקנדיק.

## אַ צוזאַמענטרעף מיט „באַראַכאָװס אײניקלעך״

משה עפּשטײן און יוסף קליגמאַן געהערן צו די װעטעראַנען פון דער פּועלי־ציון באַװעגונג. אַלײן שױן ייִדן אין די יאָרן, אַפילו זײדעס מיט אַ סטאַזש, באַטראַכטן זײ זיך נאָך אַלץ, לױטן פּאַרטײיִשן אָפּשטאַם און אידעישן זין, װי... באַראַכאָװס אײניקלעך. טוען זײ טאַקע אַ װיכטיקע אַרבעט, אין נוסח פון לינקע פּועלי־ציון אין פאַרמלחמהדיקן פּױלן. חבר עפּשטײן שטײט בראש

פון באַראָכאָוו־צענטער, פירט אָן מיט דער אחדות־העבודה—פועלי־ציון פּאַרטיי, וועלכע נעמט אַרום אַ גאַנצע ריי אינסטיטוציעס און אַקטיוויטעטן.

זייער ערשטע פראַגע איז: „וואָס איז פאַרגעקומען מיט פועלי־ציון אין ישראל?" דער אופן פון פרעגן און אויפקלערן דעם ענין באַווייזט, אַז זיי זענען דעזאינפאָרמירט וועגן די אַנטוויקלונגען אין דער באַוועגונג פאַר דער אַנטשטייונג פון מפּ"ם און שפּעטער, ווען אחדות־העבודה—פועלי־ציון האָט פאַרלאָזט מפּ"ם. מיינע אויפקלערונגען אַטפּלעקן זיי אַ סך אומבאַקאַנטע פּרטים, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט איבערצוגעבן. דערנאָך פאָלגט אַ צווייטע פראַגע: „וואָס איז מיט יידיש אין ישראל?" — און מיינע מיטשמועסער שטוינען, הלמאי זענען די איצטיקע „אַמבאַסאַדאָרן" פון יידיש אין דער יידישער מדינה די אַמאָליקע טשעמפּיאָנען פון העברעיזם, וואָס האָבן בשעתו זיך באַציגן צו דער שפּראַך מיט גלייכגילט, צי חוזק, אָדער קעגנערשאַפט. מיין ענטפער: אויב עמעץ איז חוזר בתשובה, דאַרף מען אים גראַד באַגריסן — און נישט קריטיקירן. און צו דער עצם פראַגע — האַלעוויי זאָל די מערכה פון יידיש אַזוי אויסזען אין טאָראָנטאָ, ווי זי זעט אויס אין ישראל!

למען האמת, טוט דער באַראָכאָוו־צענטער אַ סך פאַר יידיש. די 3 צווייגן וועלכע נעמען אַרום אַ 300 פאַמיליעס, 4 פרויען־קלובן און די שול מיט 150 קינדער, ווי אויך די גרופּע יוגנט־„דרור" און דער קעמפּ „גשר", פירן זייער טעטיקייט אין אַ גרויסער מאָס אין יידישן לשון.

אַן אינטערעסאַנטער פּרט: אחדות־העבודה—פועלי־ציון אין קאַנאַדע איז די איינציקע אין דער וועלט־באַוועגונג, וואָס האָט זיך נישט פאַראייניקט מיט דער „העבודה"־פּאַרטיי. זייער אויסגאַבע „אונדזער וועג", דערשיינט ווי דער אָרגאַן פון אחה"ע־פּוע"צ. פאַראַן ביי זיי אַ מרדכי אַנילעוויטש קרייז, וואָס פייערט איצט זיין 25־יעריקן קיום. די חברים פון דער באַראָכאָוו־באַוועגונג זענען דער איינציקער פּאָליטישער כוח אויף דער יידישער גאַס, אויך ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דער קאַנאַדישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. „מיר פייערן נאָך דעם ערשטן מאַי" — דערקלערט חבר עפּשטיין מיט שטאָלץ.

דער בודזשעט באַטרעפט אַ 90 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. נאָך אַ 30 טויזנט דאַרף מען „קאַמפּיינעוון". פאַראַן אַ דעפיציט.

— און וואָס איז מכוח עליה? — וואַרף איך אַריין אַ פראַגע. — איך מיין, אַז אויף דעם פראָנט איז דער דעפיציט אַ פיל גרעסערער...

— די קינדער פון אונדזערע עלטערן זענען יאָ מקיים די מצווה פון עליה. דאָקעגן די עלטערן — ווייניק, אָדער כמעט ווי נישט.

דאָ בעט זיך אַ צווישנרוף, אַז דאָס פּאַסט נישט פאַר „באַראָכאָווס אייניקלעך" — נאָר איך מאַך אַ שווייג...

## אַ סך אויפטוען — אָן פּאַרטייאישע שטעלונגען

ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו שמועסן מיט נחום נעסלען, דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג, וועמענס 500 מיטגלידער זענען פאַרטיילט אין 8 בראַנטשן (פרויען, סאָציאַליסטישער, בונדישער, ענגליש־ריידנדיקער, יונג ענגליש־ריידנדיקער, און אַ פרויען־בראַנטש אַ. נ. פון י. ל. פּרץ). נאָר אַז עס קומט צו ישראל — ווערן פאַרווישט אַלע פּאַרטייאישע שטעלונגען, אַמאָליקע און איצטיקע, פּונקט ווי די אָנגעהעריקייט צו וועלכן ס׳איז בראַנטש, שפּילט נישט אין דעם פאַל קיין שום ראָל. אין דער יום־כּיפּור מלחמה האָט מען צונויפגעזאַמלט 34 טויזנט דאָלאַר. אויך דער אַנטייל אין מגבית איז אַ באַדייטנדיקער. צו דעם אַלעמען דאַרף מען טראַכטן וועגן סאָציאַלער הילף, קראַנקן־שטיצע און אויך זאָרגן פאַר אַ קבר...

דער אַרבעטער־רינג האַלט אויס אַ נאָכמיטאָג־צוגאָב־שול, וווּ 64 קינדער לערנען 3 מאָל אַ וואָך יידיש און עברית אין 6 קלאַסן. אויסער דעם ווערט געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט, ווי: רעפעראַטן, לעקציעס, טעאַטער־פאַרשטעלונגען און ליטעראַרישע אָוונטן.

## די סינאַגאָגע „בית צדק"

די דאָזיקע סינאַגאָגע איז אַוודאי איינע פון די שענסטע אין דער וועלט. די אויסערלעכע אַרכיטעקטור און רהבותדיקייט, ווי די אינערלעכע איינריכטונגען, שטייגן איבער מיט זייער שיינקייט און פאַרנעם אַלע יידישע אינסטיטוציעס וועלכע כ'האָב באַזוכט אין טאָראָנטאָ. אויסער פרומקייט, די רעפאָרמירטע און מאָדערניזירטע פאַרשטייט זיך, צייכנט זיך אויס דער טעמפּל מיט אַ גאַנצער ריי אַנדערע אַקטיוויטעטן, ווי קורסן און לעקציעס פאַר דער העברעישער שפּראַך, יידישע ליטעראַטור און קולטור־געשיכטע, תנ"ך.

אין דער סינאַגאָגע וועט איר געפינען אַ מוזעום פאַר יידישע אַנטיקן — רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע, ווי אויך אַן אויסשטעלונג פון דער חורבן־תקופה: בילדער, דאָקומענטן, צייכענונגען און פאַרשידענע רעקוויזיטן פון יענער פינצטערער תקופה. דער גראַמער זאַל קאָן אַוודאי אַריינעמען אַ טויזנט מתפּללים. אויסער דעם איז פאַראַן אַ זאַל פאַר באַנקעטן און שמחות, מיט אַ 550 ערטער. די רייכע ביבליאָטעק, נישט נאָר פון רעליגיעזע ספרים, איז אָן שום ספק אַ נייעס אינעם סינאַגאָגע־לעבן.

☆

בלויז פיר אינסטיטוציעס איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אין דער גרויסער און שיינער שטאָט טאָראָנטאָ, — אָבער דאָס איז אַ קליינער פּראָצענט פון ענלעכע אַזעלכע אַנשטאַלטן, וואָס קלאַמערן זיך אין יידישן עבר און קעגנוואַרט, כדי זיכערן אונדז אַ בעסערע צוקונפט. בלייבט נאָר איבער זיי צו ווינטשן: מיט הצלחה!

(י"ש ת"א, 18.6.75)

# גרינע פעלדער אין... ניו־יאָרק

פון די 10 גרויסע שטעט, וועלכע כ'האָב באַזוכט אין דער איצטיקער רייזע, האָט מען אַמיינסטן מיך אָנגעשראָקן מיט ניו־יאָרק. וואָס מ'האָט אַלץ נישט אויסגערעדט אויף דער דאָזיקער שטאָט! און אין די אַלע רייד, האָט ווי אַ לייט־מאָטיוו זיך דורכגעוואָרפן דאָס וואָרט „דזשונגל", טיילמאָל — מיט אַ צוגאָב „פון אַספאַלט און בעטאָן".

שוין נאָכן אויסהערן די אַלע וואָרענונגען, האָב איך פון דעסטוועגן נישט אָפּגענויגט פון דער באַשטימטער טראַסע. אָנקומענדיק פון טאָראָנטאָ אויפן ניו־יאָרקער עראָפּאָרט קענעדי, מיט דער שפּע ליכט דאָרט און העפלעכער באַהאַנדלונג פון די באַאַמטע — ווערט עטוואָס אָפּגעשוואַכט דער האַרבער באַשולדיקונג־אַקט קעגן דער שטאָט. ווער שמועסט נאָך, אַז עס וואַרטן דיך אָפּ צוויי אַלטע גוטע פריינד (יוסף שפּייזמאַן און שלמה זינשטיין) און פירן דיך אַוועק אין זייער גאַסטפריינדלעכער שטוב, איז עס אַוודאי אַ וואָגיקער צושטייער אויף צו טוישן די נעגאַטיווע מיינונג וועגן דער שטאָט.

פאַרסטו אָדער גייסטו איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק און זעסט איר הייך, לענג און ברייט; שפּעטער — די טיף פון דער אונטערערדישער באַן, איז שווער צו באַפרייען זיך פון דער אימה, וועלכע דער „דזשונגל" וואַרפט אויף דיר אָן. אַז כ'האָב פון 102־טן שטאָק פון „עמפּייר סטייט בילדינג" געכאַפּט אַ בליק אויף דער ניו־יאָרקער פּאַנאָראַמע, האָב איך זיך בלויז געווונטשן, אַז ירושלים צי תל־אביב זאָלן נישט דערגיין צו אַזאַ הויכן און „געדיכטן" מעמד, ווי די אַמעריקאַנער מעטראָפּאָליע. ווי אַזוי, מ'שטיינסגעזאָגט, זעט דען אויס דער מענטש צווישן די דאָזיקע וואָלקנקראַצערס און צונויפגעדרענגטע הייזער־בלאָקן, אויב נישט ווי אַ ווערמל, אַ זשוק, אַ מוראַשקע — און זיין לעבן דאָרט האָט אפשר דעם זעלבן ווערט ווי די־אָ פּויזנדיקע באַשעפענישן?!

נאָר לאָמיר נישט איבערטרייבן. צווישן די 10 מיליאָן איינוואוינער אין ניו־יאָרק, איז פאַראַן אַ יידישע באַפעלקערונג וואָס ציילט שוין באַלד אַזוי פיל ייִדן ווי די צאָל איינוואוינערס אין גאַנץ מדינת ישראל. און פיל ייִדן דאָרט, ווי אין אַלע תפוצות, טוען אַלץ אויף איינצוהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט און ישראלדיקע אידענטיטעט.

אַ וויזיט אין אַזעלכע אינסטיטוציעס ווי ייוואָ, רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן, וואַגראַ (קעמפערס פון וואַרשעווער געטאָ), אייניקע לאַנדסמאַנשאַפטן און אין ייִדישן טעאַטער — שטאַרקן ווידער דאָס געפיל, אַז אונדזערע ייִדן האָבן נישט בדעה אויפצוגעבן זייער גרעאַנגל פאַר איינהאַלטן ס׳ביסל ייִדיש, ייִדישקייט און ישראלדיקייט.

## אַן עכט יידיש טעאַטער

כ׳וועל אָנהייבן פון ייִדישן טעאַטער, הגם עס קלינגט עטוואָס סענסאַציאָנעל: ייִדיש טעאַטער אין ניו־יאָרק. איז דאָך אַלץ וואָס מ׳האָט לעצטנס געשריבן אויף דער טעמע, תמיד געוועזן באַגלייט מיט מרה־שחורהדיקע אויספירן, ווי: ירידה, אונטערגאַנג, שונד. נאָר אַ פאָרשטעלונג פון דער „פאָלקס־בינע" איז פאָרט אַן אָפּרישונג און אָפּלייקענונג פון די אַלע אָפּשאַצונגען, הגם ס׳איז אויך אַ בולטע דעמאָנסטראַציע פונעם באַרג־אַראָפּ. „פון אַלע זיבן אַליין געבליבן", מעג געזאָגט ווערן אויף דער גלענצנדיקער פאָרשטעלונג „דורות גרינע פעלדער", באַזירט אויף די שאָפונגען פון פרץ הירשביין און רעזשיסירט דורך דוד ליכט.

דער אַרבעטער־רינג, וואָס איז דער אַפּוטראָפּוס איבער דער „פאָלקס־בינע", ווערט נישט מיד צו באַזאָרגן מיט בעסער ייִדיש טעאַטער די ניו־יאָרקער ייִדן. צום באַדויערן, דינען נישט אָפּ די ייִדן אין ניו־יאָרק זייערע פאַרזאָרגערס מיט דער זעלבער מטבע. די גרויסע, פאַרמעג־לעכע און איינפלוסרייכע ייִדישע קהילה דאָרט איז נישט מסוגל אויסצוהאַלטן אַן אייגענעם ייִדישן טעאַטער, אַפילו פון אַזאַ ערנסטן כאַראַקטער ווי די „פאָלקס־בינע". „דורות גרינע פעלדער" ווערט געשטעלט אין אַ געדרונגענעם זאַל פון דער „סענטראַל סינאַגאָגע" און פאַר אַ גאַנץ הויכן דירה־געלט; די אַרטיסטן באַקומען נישט קיין געהאַלט און לעבן נישט פון זייער אויפטרעטן אויף דער בינע; דאָס טעאַטער שפילט נישט קיין גאַנץ קיילעכיק יאָר, נאָר איינעם צי צוויי סעזאָנען, דערצו נאָך — 3 פאָרשטעלונגען אַ וואָך. דערווייל איז דאָס די איינציקע בעסערע און ערנסטע ייִדישע טעאַטער־בינע, מיט אַרטיסטן־אידעאַליסטן און מיט אַ געזעלשאַפטלעכן רוקן ווי ס׳איז דער „אַרבעטער־רינג".

מיר האָט איסגעזען מאָדנע, וואָס איידער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, באַווייזט זיך אויף דער אַוואַנסצענע איילין פען, אַ יונג חנעוודיק מיידל, וואָס דערקלערט אין ענגליש דעם אינהאַלט פון דער פיעסע. נאָר זי טוט עס מיט אַזוי פיל טעם און הומאָר, אַז דער עולם אַפּלאָדירט איר לאַנג און אויפריכטיק. וואָס שייך דער פאָרשטעלונג גופא, איז זי די בערך 300 צושויערס זייער געפעלן געוואָרן, ווי מ׳האָט עס ממש געקענט אָראָפּלייענען פון זייערע פּנימער (אוי, די נאָסטאַלגיע!...). אויך דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט הנאה, באַזונדערס פון דעם גלענצנדיקן שפיל פון צפורה שפייזמאַן־טענענבוים, וואָס האָט נאָך מיט אַ יאָר צוריק באַקומען צוזאַמען מיט בולאַוון די הויכע קינסטלערישע אויסצייכענונג „אָבי־אַוואָרדס" פון ניו־יאָרקער אַרטיסטן־זשורי.

אָט וואָס מען שרייבט אין „פאָרווערטס" וועגן איר אויפטריט:

„גיטל (צפורה שפייזמאַן) איז פאַריסן און קריגעריש, אָבער מעסער־שאַרף קלוג און אַריינזאָגעריש. צפורה שפייזמאַן איז אַ כאַראַקטער־שוישפילערין מיט אַן אייגענעם טאָן און מיט אייגענע קינסטלערישע מיטלען. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט זי באַוויזן צו ווערן פּאָפּולער ביים היגן בעסערן עולם. עס זענען דאָ סצענעס, ווען איר צוזאַמענשפּילן מיט יעקב זאַנגער — איז קאָנצערט"...

איך דער גאַנצער אַנסאַמבל איז גוט איינגעשפּילט און מיר האָבן פֿאַר זיך אַ גרעאַטענעם ספּעקטאַקל, אַפילו ווען ער באַציט זיך צו אַ פֿאַרגאַנגענעם דור יִדישע פּויערים אין מזרח־איירפּע. נאָר אויב אין דעם ניו־יאָרקער יִדישן טעאַטער־מדבר גיבן אַ שפּראַץ־אויף גרינע פעלדער נוסח פּרץ הירשביין און אין דער אכסניה פֿון דער „פֿאָלקס־בינע" — דאַרף מען אַלץ טאָן, ס׳זאָל נישט אָפּוועלקן דער דאָזיקער געוויקס.

**יידישע קוריאָזן**

אויך יִדיש לעבן אין ניו־יאָרק האָט מען מיר אויסגעמאָלן נישט אין ראָזעווע פֿאַרבן. די אימיגראַציעס פֿון דער שארית הפליטה נאָכן חורבן, שוין אָפּגערעדט פֿון די „יורדים" פֿון ישראל (וועמענס צאָל אין יענער שטאָט דערגייט ביז אַ הונדערט טויזנט), האָבן נישט געבויט יִדישע אינסטיטיצוּעס מיט דעם אימפּעט און פֿאַרמעסט, ווי דאָס האָבן געטאָן אונדזערע אימיִגראַנטן ביזן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די איצטיקע פּאָליטישע אָנפֿירונג און גייסטיקע עליטע איז נישט דערגאַנגען צו דער אויטאָריטעט, אָנערקענונג און פּאָפּולאַריטעט ווי ס׳האָבן בשעתו געהאַט ד"ר אבא הלל סילווער, וולאַדעק, לייוויק און אָפּאַטאָשו. די היינטיקע מנהיגים זענען דער עיקר אַריינגעטאָן אין געלט־זאַמלונגען — דערקלערן מיינע אינפֿאָרמאַטאָרן. און זיי גיבן צו: די אחינו בני־ישראל אין אַמעריקע איז ריכטיק אָנצורופֿן „דאָס יִדנטום פֿון טשעקן־ביכלעך", מיט אַ צוגאָב „גאַסטראָנאָמיש יִדנטום". איך פּראָטעסטיר קעגן אַזאַ באַצייכע־נונג און מיינע מיטשמועסערס זענען מסכים, אַז בעצם איז דאָס איינער פֿון די יִדישע קוריאָזן אין אַמעריקאַנער לעבן, ווייל אַלע וויסן, אַז דער טשעק, ווי דער באַנקעט, האָבן דעם איינציקן ציל: שטאַרקן עקאָנאָמיש און מיליטעריש די יִדישע מדינה, העלפֿן אויפֿנעמען עולים. שוין אָפּגערעדט פֿון דער אינטענסיווער פּאָליטישער און אויפֿקלערערישער טעטיקייט אין סענאַט, קאָנגרעס, ווייסן הויז, מלוכהשע אַדמיניסטראַציע און עפֿנטלעכע מיינונג.

דערביי האָט מען נישט פֿאַרגעסן די אָרטיקע הצטרכותן. ווייל אַמעריקאַנער יִדן, אויף וויפֿל זיי זענען וואַכזאַם צו די אינטערעסן פֿון ישראל, אַזוי בויט מען און מ׳שאַפֿט אייגענע מוסטער־אינסטיטוציעס. באַזונדערס איז צו פֿאַרצייכענען דער וווּקס פֿון שילן און סינאַגאָגעס פֿון אַלע דריי רעליגיעזע שטרעמונגען: אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע און רעפֿאָרמירטע. נאָר אַלץ צוזאַמען האָט נישט אָפּגעשטעלט צי פֿאַרלאַנגזאַמט דעם פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע און געמישטע חתונות. יעדער דריטער יִיד אין די פֿאַר. שטאָטן האָט חתונה מיט אַ נישט־יִיד. און אין אַ סך יִדישע היימען אין ניו־יאָרק צי אין שיקאַגאָ, איז זעלטן צו טרעפֿן אַ קינד מיט וועלכן זאָלסט זיך קאָנען אויסשמועסן אין יִדיש צי העברעיִש, אַפילו נאָר עטלעכע ווערטער...

און פֿון אַ טאַטן פֿון אַזאַ בחור האָב איך גראָד געהערט אַ שאַרפֿע אַטאַקע וועגן... יִדיש אין ישראל. אַ קוריאָז? אויף דעם סאָרט קוריאָזן האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף נאָך ערטער.

(י"ש ת"א, 2.7.75)

# מיט יידישיסטן און געטאָ־קעמפֿערס אין ניו־יאָרק

אין ניו־יאָרק, פּונקט ווי אין אַ ריי אַנדערע ערטער וועלכע כ׳האָב באַזוכט, איז געוויסע יִדן געגאַנגען אין לעבן צו כאַפּן מיך אויף אַ „שוואַכן" פּונקט: יִדיש אין ישראל. זיי, די ריטער פֿאַר יִדיש אין דער יִדישער מדינה האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָס איז גראָד מיין שטאַרקער פּונקט, באַזונדערס נאָך דעם ווי כ׳האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קאָנפֿראָנטירן די מערכה פֿון אונדזער מאַמע־לשון אין אייניקע תפוצות, מיט דעם וואָס עס קומט פֿאַר אין ישראל. דערמיִט וויל איך נישט זאָגן, אַז אַלע אַרגומענטן פֿון די יִדישיסטן אין די גלות־

לענדער, זענען אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. בשום אופן נישט! אויך זיי זענען אין געוויסע פונקטן גערעכט. נישט מער, אַזאַ ייִד נעמט נישט אין באַטראַכט די אָ. ג. אָביעקטיווע אומשטענדן, וואָס איז אויך אַ פּועל־יוצא פון זיין איגנאָראַנץ אין דער דאָזיקער פראַגע.

**יידיש — אדרבה, אָבער נישט ביי זיך אין דער היים**

איך זיץ מיט אַ ייִד אין זיין ניו־יאָרקער שטוב, וועלכע איז אויסגעשטאַט מיט אַ רייכער ביבליאָטעק פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מיין פריינד, וואָס האַלט זיך פאַר אַ „פאַרברענטן ייִדישיסט", הייבט אָן מיט אַ פראָנטאַלער אַטאַקע:

— פאַרוואָס שטעלט מען נישט אויס ייִדישע ביכער אין די שויפענצטער פון די תל־אביבער צי ירושלימער בוכהאַנדלונגען? ווער האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ פאַרבאָט?

— אויב די מערכה פון ייִדיש אין ישראל וועט זיך נישט ענדערן, זענען די אַלע רייד פון גאָלדע מאיר און פון נשיא קציר — צביעות!

— פאַרן ווי דעלעגאַטן צום קולטור־קאָנגרעס אין ישראל? אדרבה! אָבער נאָר ווי אַ קאָמיסיע צו פאַרהאַנדלען מיט די באַרופענע מיניסטאָרן הלמאי מען רודפט ייִדיש.

— ייִדיש דאַרף ווערן איינגעפירט ווי אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד אין די מיטלשולן.

— פון די ריזיקע מגבית־געלטער וועלכע ווערן געזאַמלט פאַר ישראל, דאַרף אַ געוויסע סומע פאַרווענדעט ווערן אויף צו שטאַרקן ייִדיש.

— די ישראל־רעגירונג איז מחויב צו אינוועסטירן אין דער ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור, כאָטש 3/4 מיליאָן דאָלאַר אין די נאָענטסטע 3 יאָר.

די און אַנדערע פאָדערונגען זענען אַרויסגעבערענגט געוואָרן אין איין אָטעם, מיט אַ סך צוגאָב־רייד, אויפקלערונגען און באַגרינדונגען. ס'איז שווער געווען אָפּצושטעלן דעם ווערטער־פלייץ. קוים מיט צרות האָב איך באַקומען דאָס וואָרט...

— דער פאַרוואורף, אַז עס האָט ווער פאַרבאָטן אַרויסצושטעלן ייִדישע ביכער אין די שויפענצטער, איז פּשוט אַ בלבול. יעדער בוכהענדלער קאָן פריי און אומגעשטערט באַצירן זיין וויטרינע מיט די ווערק פון י. ל. פּרץ, פון עלי שעכטמאַן, פון ה. לייוויק און פון י. באַשעוויס. דער ענין איז דורכויס אַ פּריוואַטער, סוחרישער — אָבער האָט גאָר נישט צו טאָן מיט געזעצן צי פאַרבאָטן; אַז מיר אין ישראל הערן גאָלדע מאיר צי דעם נשיא רעדן מיט ליבשאַפט און כבוד וועגן ייִדיש, פילן מיר נישט, אַז דאָס איז צביעות, נאָר דברים יוצאים מן הלב; וואָס שייך דעם רצון צו פאַרהאַנדלען די שליחים צום באַפאַרשטייענדיקן קולטור־קאָנגרעס אין אַ דעלעגאַציע צו מיניסטאָרן, וואָלט פיל בעסער געווען, ווען עס קומען עולים וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין דער ייִדישער שפּראַך. דער חשבון איז אַ פּשוטער: וואָס מערער ייִדיש־קאָנסו־מענטן אין דער מדינה — אַלץ מערער שאַנסן צו פלעגן און אַנטוויקלען די דאָזיקע שפּראַך און אירע גייסטיקע אוצרות.

איפן געביט פון פאַרלאַג־וועזן, האָט ישראל ממש געשלאָגן רעקאָרד, אויב יעדן חודש דערשיינט אַ ייִדיש בוך דאָרט; דאָס זעלבע מיטן טעאַטער: דעם לעצטן סעזאָן האָבן אין ישראל געשפּילט 7 ייִדישע טעאַטערס. בנוגע ליטעראַטור־פּרעמיעס, איז שוין פון לאַנג אַ שם־דבר דער איציק מאַנגער פּרייז, דער פּרייז פונעם פּרעמיער און אַנדערע ליטעראַטור־פּרעמיעס פאַר ייִדישע פען־מענטשן. איצט די עפנטלעכע אונטערנעמונגען אין ייִדיש, ווי ליטעראַרישע אָוונטן, פאַרלעזונגען, קינסטלערישע ספּעקטאַקלען, פעסטיוואַלן פון ייִדישן ליד. ווי זעט מען דאָס אַלץ אין די גרעסטע ייִדישע קהילות אין די תפוצות?

היינט שטעלט אייך פאָר, ווען דער רוב ייִדן אָפּשטאַמיקע פון פּוילן, רומעניע, רוסלאַנד, צי די ייִדיש־ריידנדיקע פון די מערב־לענדער, וואָלט זיך באַזעצט אין ישראל — וואָס פאַר אַ געוואַלטיקער איינשפּריץ וואָלט געשטאַרקט די מערכה פון ייִדיש אין לאַנד. דעריבער וועלן נישט אַזוי מיניסטאָרן אַנטשיידן אין דעם דאָזיקן פאַרמעסט, נאָר פאַר אַלעמען — די חסידים

פון ייִדיש, וואָס ווילן זיך באַזעצן אין ישראל, ווו די מערהייט פון דער באַפעלקערונג שטאַמט פון די אַזיאַ־אַפריקאַנישע לענדער, שוין אָפּגערעדט פון די סאַבּרעס און דעם יונגן דור עולים פון ראַטנפאַרבאַנד, וועמען ס'איז פרעמד די ייִדישע שפּראַך. נאָך האָב איך געטענהט, אַז אוודאי וואָלט געווען אַ יושר, ווען די רעגירונג נעמט אַראָפּ פון די קאַמפּיין־געלטער אַ „מעשר" פאַר ייִדיש. אָבער וועגן דעם מוזן דעצידירן די געבּערס אַליין. לויטן באַוווּסטן כלל, אַז „דער וואָס גיט די מאָה, האָט אויך די דעה". אויך לערנען ייִדיש אין גימנאַזיע איז נישט אַזאַ קאָמפּליצירטער ענין, אויב 20 עלטערן פון איין קלאַס תלמידים ווענדן זיך צום שול־דירעקטאָר צו לערנען זייערע קינדער ייִדיש, ווי דאָס איז געשען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין קרית־חיים; אויב אין די אוניווערסיטעטן אין ירושלים און תל־אביב זענען איינגעשטעלט ייִדיש־קרייזן, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס געוויסע סטודענטן האָבן אינטערעס, פאַרשטענדעניש און ווילן צום לערנען.

איך בין מסכים מיט מיין פריינד, אַז די ישראל־רעגירונג וואָלט באַדאַרפט אינוועסטירן אין דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור. בעת דער קליטה־מיניסטער וואַרפט צו פון צייט צו צייט אַ ביסל געלט פאַר ייִדיש טעאַטער און ייִדישע פען־מענטשן, האָט דאָס מיניסטעריום פאַר בילדונג און קולטור כמעט ווי גאָרנישט געטאָן אויף דעם געביט.

אַ זייטיקע באַמערקונג: איצט, ווען כ'גיב איבער אונדזער געשפּרעך, באַקומט זיך מיין רעפּליק ווי איין פּליסיקע רעדע, הגם ס'איז מיר אָנגעקומען כקריעת ים־סוף צו אָפּאָנירן, ווייל מיין פריינד געהערט צו די א. ג. מאָנאָלאָגיסטן, וואָס האָבן ליב צו הערן נאָר זיך און לאָזן יענעם נישט קומען צום וואָרט. און אַזעלכע וואָס ווילן נישט הערן, נייטיקן זיך במילא נישט אין אויפקלערונגען. זיי ווייסן אַלץ פון פאַרויס... מעגלעך, אַז אונדזער אומגלייכער דיאַלאָג וואָלט זיך געפירט נאָך אַ גוטע שעה, ווען עס קומען נישט אַריין זיינע צוויי קינדער: אַ בחור פון אַ יאָר 15 און אַ מיידעלע אין בת־מצווה עלטער. דער טאַטע דערפרייט זיך שטאַרק מיט זיי און עס גייט אַוועק אַ געשפּרעך אין ענגליש. אַז איך פרעג דעם ייִנגל אויף ייִדיש אין וועלכער שול ער לערנט, צעפּירט ער נעבעך הילפלאָז די הענט און ענטפערט מיר אויף שעקספּירס לשון, אַז די שפּראַך פון שלום־עליכמען איז אים לגמרי פרעמד.

מיין פריינד איז נישט איבערגענומען דערמיט, וואָס זיינע יורשים זענען נישט מסוגל צו ענטפערן אַ וואָרט ייִדיש דעם גאַסט פון ישראל. דאָס אייגענע — אויך אין העברעיִש. איך דאַקעגן קאָן עס נישט פאַרדייען. היתכן? אַ קינד פון אַזאַ „פאַרברענטן ייִדישיסט" זאָל נישט קענען אַרויסרעדן אַ ייִדיש וואָרט. בעט איך מחילה ביי מיין ניו־יאָרקער ידיד, דעם הייסן חסיד פון ייִדיש אין ישראל, ווי ביי אַ סך פריינד, מיט וועמען כ'האָב זיך שפּעטער געטראָפן אין אַנדערע ערטער — און פרעג זיי, פּונקט ווי כ'האָב געפרעגט אין יענער ייִדישער שטוב אין ניו־יאָרק:

— די קאַטאַסטראָפע פון ייִדיש הייבט זיך אָן אין די ייִדישע היימען, ווו מען באַנוצט זיך נאָר מיט דער לאַנד־שפּראַך, וואָס שטויסט אַרויס נישט נאָר אונדזער לשון, נאָר פאַרטרייבט אויך ייִדישקייט פון די קינדער. ווען מען דערזעט די טרויעריקע רעזולטאַטן פון אַזאַ האַנד־לונג — איז שוין צו שפּעט. ס'איז נישט קיין עבירה צו ווען גיין אויף באַריקאַדן פאַר ייִדיש אין ישראל, אָבער פאַרוואָס זאָל מען מיט די אייגענע קינדער נישט ריידן ייִדיש, ביי זיך אין דער היים?!...

### זיי ווילן נישט פאַרגעסן

דער קאָמיטעט פון וואַגראָ — WARSHAW GETTO RESISTANCE ORGANISATION (וואַרשעווער געטאָ ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע) האָט מיך פאַרבעטן אויף אַ זיצונג, וועלכע האָט זיך באַשעפטיקט מיט צוגרייטן אין ניו־יאָרק די צענטראַלע פייערונג אין יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע. שוין דער אופן פון פירן די זיצונג דורכן פאָרזיצער בנימין מיד

שאַפֿט אַ גינסטיקע, לייכטע אַטמאָספֿער. טאַקע אַ דאַנק דער קולטורעלער און דיסציפּלינירטער האַלטונג פֿון די באַטייליקטע אין דער זיצונג, איז מעגלעך געווען אין פֿאַרלויף פֿון אַן אַנדער־האַלבן שעה (אַריינגערעכנט מיין אויפֿטריט וואָס האָט געדויערט אַ 20 מינוט) צו באַשטימען אַן אומגעהויערע צאָל פּרטים פֿון אַן אונטערנעמונג, אין וועלכער עס נעמען אָנטייל איבער צען טויזנט יידן.

שוין דאָס 5טע יאָר, ווי דער דאָזיקער יונגער אָרגאַניזאַציע געלינגט צונויפֿצוברענגען אין דער ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליע טויזנטער ייִדן צום געטאָ־אַקט לזכר דעם העלדישן אויפֿשטאַנד אין וואַרשע, דעם 19־טן אַפּריל 1943. נישט די פּאַרטייען אָדער לאַנדסמאַנשאַפֿטן האָבן געהאַט אויסדויער, כוח און מיטלען צו פֿייערן יענע היסטאָרישע געשעעניש אין אַ שטאָט וואָס האָט די גרעסטע צאָל יידן אין דער וועלט. גראָד אַ הייפּל פֿאַרבליבענע קעמפֿערס פֿון הינטער די געטאָ־מויערן האָבן אויף זיך גענומען די הייליקע אויפֿגאַבע צו פֿאַרוואַנדלען דעם יאָרטאָג אין אַ דערמאָנונג דער וועלט און דער אונ״א וואָס דער היטלעריסטישער עמלק האָט געטאָן דעם יידישן פֿאָלק. נאָר אויך אַזאַ צערעמאָניע איז דורכגעפֿלאָכטן מיט ישראלדיקע מאָמענטן און אַקצענטן.

האָט מען טאַקע גערעדט אויף דער זיצונג וועגן זיכערקייט־פֿראַגן, וועגן די רעדנערס, אַרטיסטישן טייל און דער עיקר — דער אויפֿמאַרש פֿון הונדערטער קינדער מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט, וואָס האָבן באַדאַרפֿט מאַרשירן פֿונעם עמנואל־טעמפּל ווו די געטאָ־פֿייערונג האָט געזאָלט פֿאָרקומען, ביז דער אונ״אָ־געביידע, ווו מ׳האָט באַדאַרפֿט איבערלאָזן די ליכט. די אינפֿאָרמאַציע און פֿאַרשלאָגן פֿונעם פֿאָרזיצער זענען זאַכלעכע. כמעט אַלע 30 מענער און פֿרויען וואָס נעמען אַ וואָרט, פֿלוידערן נישט סתם, נאָר אין געציילטע מינוטן טראָגן זיי אַריין זייערע אויסבעסערונגען וועלכע ווערן אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט, ווייל נישט מען שמועסט צווישן זיך, נישט מען פֿאַלט אַריין אין יענעמס רייד.

דו פֿילסט זיך גוט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַזעלכע יידן, וואָס אַפֿילו ווען זיי וווינען אין ניו־יאָרק, האָבן זיי נישט בדעה צו מאַכן זיך פֿאַרגעסן וואָס ס׳איז מיט העכער 30 יאָר צוריק פֿאָרגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פֿון פּוילן, כדי היינט דערמאָנען און וועקן די יידישע און נישט־יידישע וועלט. און דאָס ווערט געטאָן נישט נאָר מיטן איינמאָליקן אַקט יעדן חודש אַפּריל, נאָר אויך מיטן אַרויסגעבן אַ רייכן זשורנאַל, רעדאַגירט פֿון הירש אַלטוסקי, וואָס ברענגט אַפֿילו אַריין אַ הכנסה פֿון 10 טויזנט דאָלאַר.

אויפֿן באָדן פֿון יידיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין ניו־יאָרק, איז וואַגראַ איינע פֿון די טיכטיקסטע און וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס.

פֿאַר יענעם פֿאָרום האָב איך דערציילט ווי אַזוי עס ווערט אָפּגעצייכנט אין ישראל דער יום השואה והגבורה און זיי פֿאָרגעלייגט צו ברענגען וואָס מערער יידן אויף באַזוכן אין יד ושם אין ירושלים און תל־אביב; אין מוזעאום פֿון קיבוץ יד מרדכי וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿונעם קאָמענדאַנט פֿונעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, מרדכי אַנילעוויטש; דעם קיבוץ לוחמי הגיטאות אין גליל מיט זיין מוזעאום א. נ. פֿון פֿאַרשטאָרבענעם דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן, מחבר פֿונעם „דאָס ליד פֿון אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק״. נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיר אין ישראל וועלן עפּעס לערנען פֿון די דערפֿאַרונגען און אויפֿטוען פֿון וואַגראַ — נאָר אויך זיי, די געטאָ־קעמפֿערס, וועלן אוודאי זיין פֿול מיט אָנערקענונג, ווי אַזוי אונדזער מדינה באַערט די געטאָ־אויפֿשטענדלערס.

(י״ש ת״א, 16.1.75)

# אַ באַזוך אין אונ"אָ און אין יידישע אינסטיטוציעס

דעם אמת געזאָגט, האָט מיך נישט געלאָקט צו באַזוכן די אונ"אָ־געביידע אין ניו־יאָרק, צוליב מאַנגל אין צייט. נאָר מיין מורה־דרך אין יענער גרויסער שטאָט, אַ יונגער פּראָפעסאָר פון דער רוסישער ליטעראַטור אויפן באָסטאָנער אוניווערסיטעט, מייק ראָזענבוש, טענהט: „ווי איז דאָס מעגלעך צו זיין אין ניו־יאָרק און נישט וויזיטירן דעם גלעזערנעם פּאַלאַץ פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער?!" האָט מען אַ שבת נאָכמיטאָג זיך אַ לאָז געטאָן אָנקוקן יענעם בנין.

ווער איז דען נישט באַקאַנט דאָס דאָזיקע הויז פון דרויסן, אַ דאַנק די אָפטע בילדער אין דער פּרעסע און אין דער טעלעוויזיע? און וועלכער ייד אין ישראל און אין די תפוצות איז נישט פאַרביטערט און אַנטוישט פון דעם וואָס דאָרט שפּילט זיך אָפּ אינעווייניק? צו פיל האָפענונגען האָט מען געלייגט אויף דער דאָזיקער אוניווערסאַלער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין אָקטאָבער 1945 אין סאַן־פראַנציסקאָ, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיט דער בפירושער כוונה אויסצומיידן אַ נייעם קריג. ווייזט אויס, אַז אַפילו די טרויעריקע דערפאַרונגען פון דער פעלקער־ליגע האָבן נישט באַווירקט די אונ"אָ — ווייל זייט איר עקזיסטענץ, איז טאַקע נישט אויסגעבראָכן קיין דריטע וועלט־מלחמה (הגם נישט איינמאָל האָט זי „געהאָנגען אויף אַ האָר"...), דערפאַר אָבער האָט דאָס פייער זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף קיין איין מינוט. די סטאַטיסטיק ווייסט צו דערציילן, אַז פאַר דער צייט זענען פאָרגעקומען איבער זעכציק(!) לאָקאַלע און רעגיאָנעלע מלחמות, צווישן וועלכע אויך אונדזער ראַיאָן האָט פאַרנומען אַ גאַנץ אָנגעזען אָרט.

מיט אַזעלכע מחשבות בין איך איבערגעטרעטן די שוועל פונעם אונ"אָ־הויז, ווו עס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן אַ ריזיקער וואַנט־געמעל פון פּאַלעסטינער פּליטים פון 1948. אמת, דאָס בילד איז אויפגעמאָלן געוואָרן מיט יאָרן פריער, איידער יאַסער אַראַפאַט איז געוואָרן אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין דער יו־ען און אירע אַגענטורן, ווי אונעסק"א, אַרבעט־אָרגאַניזאַציע און אַנדערע. נאָר בשעתו האָט אַזאַ בילד גיכער אויסגעדריקט הומאַניטאָרע טענדענצן, איידער פּאָליטישע ספּעקולאַציעס, וועלכע ווערן אַזוי באַשיינפּערלעך אָנגעווענדעט אין דער איצטיקער תקופה. נאָר גיי זיי אַ חכם צו פאַרשטיין די אמתע כוונות פונעם מאָלער און באַשטעלער פון בילד.

אויף איניקע פענצטער זעסטו וויטראַזשן פון מאַרק שאַגאַל. איז עס נישט געטאָן געוואָרן אויף אָפּצוהיטן אַ געוויסן באַלאַנס צווישן יידן און אַראַבער? ווער ווייסט צי מ'וואָלט היינט פאַרגעשטעלט אַ יידישן מאָלער צו באַצירן די ווענט אָדער שויבן מיט זיינע קונסט־ווערק. איצט איז דאָך אַלץ נוטה אויף דער אַראַבישער זייט, מיט זייערע פּעטראָ־דאָלאַרן. דערפאַר איז אַפילו די בלאָע פאַרב, וואָס דאָמינירט און סימבאָליזירט די אונ"אָ, נישט מסוגל אַרויס־צורופן אַן אַסאָציאַציע פון די לויטערע, ישראלדיקע הימלען, נאָר דערמאָנט גיכער די טונקעלע קאָליר פון דער נאַפט־ראָפּע, וועלכע פליסט מיט אַזאַ שפע אין סאַודיע, איראַק, אַלזשיריע, קוווייט, אבו־דאבי און באַחריין...

אַט זעט מען ווידער פאַרגרעסערטע, אַפילו איבער דער נאַטירלעכער גרויס, פאָטאָ־אויפנאַמעס פון אויסגעהונגערטע און אויסגעמוטשעטע קינדער פון אַפריקאַנער און אַזיאַטישע לענדער, וועמען דער יוניטשעף, איינע פון די וויכטיקסטע אונ"אָ־אַגענטורן צו העלפן קינדער, באַזאָרגט מיט עסן, אַ מלבוש, בילדונג. אָן שום ספק — אַן אויפטו מיט וועלכן די יו־ען מעג שטאָלצירן. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַ יידישע טבע אַזאַ: באַלד גיב איך אַ טראַכט, אַז ווען מ'האָט אין אייראָפּע אומגעברענגט אין די גאַז־קאַמערן און אין מאַסן־עקזעקוציעס אַ מיליאָן יידישע קינדער, איז די יאָרן 1939—1945, האָט קיינער נישט געזאָרגט נישט נאָר פאַר אַ

ביסל שפּיִז פֿאַר די ליידיקע מאָגנס פֿון די שלמהלעך און יאָסעלעך, נאָר אַפֿילו קיין פּראָטעסט האָט זיך נישט געהערט אין דער גרויסער וועלט קעגן שיקן זיי אין די קרעמאַטאָריעס.

לאַנג טראַכטן אויף דער טעמע לאָזט מען נישט. די שיינע וועגווייזערין הייבט אָן אַרומפֿירן אונדזער גרופּע איבער די קאָרידאָרן־קולואַרן, צימערן און זיצונג־זאַלן: פֿון דער פֿול־פֿאַר־זאַמלונג, פֿונעם זיכערקייט־ראַט, פֿונעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן ראַט. לויט אירע רייד, וואָס פֿליסן אָן שטערונגען, דערצו נאָך פֿון אויסנווייניק, באַקומט זיך אַן אידעאַלע און אידילישע שילדערונג פֿון דער וויכטיקייט און פֿון די אויפֿטועון פֿון דער אונ״אָ. אַלץ איז דאָרט געבויט ווי אַן אמפֿיטעאַטער: קיילעכיקע בינעס און אַ סך זיץ־פּלעצער פֿאַר אַ פּובליקום. מערער ספּעקטאַקל־אַרטיק, ווי תּוכנדיק.

אמת, קיינער לייקנט נישט די חשיבֿות פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע — ס׳איז אָבער אויך נישט קיין סוד, אַז אַזעלכע קאָנפֿליקטן און מלחמות ווי אינדיע־פּאַקיסטאַן, ביידע וויעטנאַמס פּלוס אַמעריקע, טערקיי־גריכנלאַנד, און אחרון אחרון, נאָר לגמרי נישט חבֿיב — די מלחמות אויפֿן נאָענטן מזרח, זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן אויפֿן פֿאַרלאַנג (און אינטערעסן) פֿון די גרויסמאַכן — אָן דער אונ״אָ. זי האָט נאָר, דורכן זיכערקייט־ראַט, אָדער פֿול־פֿאַרזאַמ־לונג, צי מיט דער הילף פֿון גענעראַל־סעקרעטאַר, סאַנקציאָנירט, מיטן אונטערשריפֿט און סטעמפּל, די הסכּמים פֿון די צדדים, וועלכע זענען בדרך כּלל געוואָרן אַרויסגעצוווּנגען דורך שליחים פֿון וואַשינגטאָן און מאָסקווע.

אין איינעם פֿון די קולואַרן הענגען די פּאָרטרעטן פֿון די ערשטע 3 גענעראַל־סעקרעטאָרן: טריגווע לי, דאַג האַמערשילד און או טאַנט. איך מעג ריזיקירן מיט אַ נבֿואה, אַז זיי וועלן נישט פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן אינעם פּאַנטעאָן פֿון וועלט־פּאָליטיקער מיט אינטעלעקטועלן יושר און ווייטן בליק. דאָס זעלבע מעג געזאָגט ווערן וועגן איצטיקן אונ״אָ־בעל־הבית, ד״ר קורט וואַלדהיים. אַלע פֿיר מעג מען פֿאַררעכענען צו דער קאַטעגאָריע פֿעיקע אַדמיניסטראַ־טאָרן, געניטע באַאַמטע, אפֿשר אויך מיט אַ סך גוטן ווילן און ערלעכע כּוונות — אָבער זיי איז פֿאַרט נישט געלונגען צו שאַפֿן פֿאַר זיך דעם אימאַזש פֿון אמתע וועלט־טאַטעס, צי אוניווערסאַלע פֿאַרזאָרגערס, וואָס זענען אויפֿריכטיק איבערגענומען מיטן גורל פֿון פֿעלקער און לענדער, און דער עיקר — אַז זיי זענען נישט מסוגל צו פֿאַרלעשן אַ שׂריפֿה ווען זי ברעכט אויס, נאָר באַזיצן נישט געגנוג פּראָפֿילאַקטישע מיטלען צו פֿאַרמיידן זי. ווי ס׳זאָל נישט זיין אין ביידע פֿאַלן, קאָן מען זיך נישט אויף זיי פֿאַרלאָזן.

לאָמיר אָבער נישט פֿאַרגעסן דעם היסטאָרישן אונ״אָ־באַשלוס פֿון 29סטן נאָוועמבער 1947 וועגן עטאַבלירן אַ יידישע מדינה און די ראָל פֿון דער יו־ען אַפֿילו איצט, אויב זי וועט זיין פֿעיק צו באַפֿרייען זיך פֿון אָפּאָרטוניזם, פֿון פּחד פֿאַר פּאָליטישן שאַנטאַזש און פֿון קאַפּיטולירן פֿאַרן תּקיף און גבֿיר. דערווייל צייכנט זיך אויס די אונ״אָ מיט אַ סך רייד און ווינציק מעשׂים. ווי זאָגט טעוויע דער מילכיקער אויף איינער פֿון זיינע קי: „מעלקן מעלקט זי זיך, נאָר קיין מילך גיט זי נישט״...

### אין „פֿאָרווערטס״, אַרבעטער־רינג, ייוו״אָ

די רעדאַקציע־מיטגלידער פֿון „פֿאָרווערטס״, די איינציקע יידישע טאָג־צייטונג אין ניו־יאָרק, האָבן מיך אויפֿגענומען זייער חבֿריש און גאַסטפֿריינטלעך, אַוודאי אויך אַ דאַנק מיין באַגלייטער און לאַנדסמאַן, אַלעק פֿינקעלשטיין, וואָס געהערט צום „פֿאָרווערטס״־ראַט, ווענעמס אויפֿגאַבע ס׳איז צו זאָרגן פֿאַרן מאַטעריעלן קיום פֿון דער צייטונג. איז דער שמועס מיטן זשורנאַליסט און ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר פֿון דער „פֿאָרווערטס״־שטונדע, שלמה בן־יוסף און דעם דיכטער מאיר שטיקער, אַוועק גאָר אויפֿן וועג פֿון דער לאַגע פֿון דער יידישער פּרעסע אין דער וועלט בכלל, און פֿון דער איינציקער טאָג־צייטונג אין ניו־יאָרק — בפֿרט. און צו

די אַלע צרות, ווען איך באַזוך די דרוקעריי פון דער צייטונג, ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז דאָרט אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט און אַ פאָרשטייער פון דרוקער־יוניאָן איז געקומען דערליידיקן דעם ענין.

אין דעם זעלבן בנין געפינט זיך אויך די צענטראַלע פון „אַרבעטער־רינג" — די גרויסע, בכבודיקע, פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע וואָס זאַמלט אַרום זיך צענדליקער טויזנטער מיט־גלידער אין די פּאָר. שטאַטן און קאַנאַדע, וואָס ווערן באַזאָרגט, פאַר זייער אַפּצאָל, מיט קראַנקן־און עלטער־פאַרזיכערונג, מיט אַ שטיקל קרקע אויף אַן אייגענעם בית־הקברות, מיט פיל קולטורעלע אונטערנעמונגען וואָס שטייען אויף אַ הויכן ניוואָ; קאָנצערטן און די „פּאַלקס־בינע", שוין אָפּגערעדט פון די אָפּטע, געלעגנהייטלעכע צוזאַמענטרעפן פון די באַזונדערע ברענטשעס, וועלכע טראָגן אַ פאַמיליאַרן כאַראַקטער. מיין אינפאָרמאַטאָר, דער דירעקטאָר, פון „אַרבעטער־רינג" יאָסל מלאָטעק, וואָס איז אויך אַ שרייבער און קולטור־טוער, האָט געהאַט מיט וואָס צו שטאָלצירן.

דער „פאָרווערטס" און „אַרבעטער־רינג" זענען קרובישע אָרגאַניזאַציעס אויף פּיזיש — מען געפינט זיך אין איין געביידע, איינער טוליעט זיך צום צווייטן. בעת דער „אַרבעטער־רינג" פּראָפּיטירט געזעלשאַפטלעך, אָרגאַניזאַציאָנעל, מאַטעריעל — איז דער „פאָרווערטס" אויף צרות. די צאָלרייכע, איינפלוסרייכע און אויך אין געלט רייכע יידישע ניו־יאָרק איז נישט מסוגל צו זיכערן אַ פעסטן קיום אַזאַ צייטונג ווי דער „פאָרווערטס", וואָס דערשיינט פון יאָר 1897. וועט די דאָזיקע צייטונג טיילן, חלילה, דעם גורל פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל"? עס באַפאַלט דיך אַ טרויער פון אַזאַ מחשבה...

☆

דאַקעגן אַ באַזוך אין ייוו"אָ, וואָס בדרך־כלל ווערט זי באַטראַכט ווי אַן אַרכיוואַלע אינסטיטוציע, שטעקט דיך אָן מיט אָפּטימיזם און בטחון, אַז דאָס אַלץ וואָס אונדזערע יידן־יידישיסטן האָבן געשאַפן, האָט געשטאַרקט — און וועט שטאַרקן! — דעם יידישן גייסט, קולטור, ליטעראַטור.

ווער איז דען אימשטאַנד איבערצוגעבן, אַפילו בקיצור, וועגן די ריזיקע אוצרות וועלכע ס'פאַרמאָגט דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, פון זיין אַנטשטייונג אין ווילנע, ביז דער איצטיקער אכסניה אין ניו־יאָרק? די ביבליאָטעקאַרין דינה אבראַמאָוויטש, ווייסט אַליין אויך נישט פון וואָס פריער אָנהייבן. צום ערשט ווייזט זי מיר אַ געבונדענעם קאָמפּלעט, דעם יאָרגאַנג „לובלינער טאָגבלאַט" פון... 1918, רעדאַגירט פון ש. י. סטופּניצקי. איך באַזוך די ביבליאָטעק פון דער יזכור־און חורבן־ליטעראַטור, אַ רייַ אַרכיוון, צימערן מיט ספּעציפישע זאַמלונגען, אוניקומס, וואָס נאָר דער ייוו"אָ האָט זיי געקענט אויפהיטן.

אויף איין פּאָליצע האָבן איך געזען ליגן (אָוועקשטעלן קען מען דאָס נישט) היטלער'ס „מיין קאַמף", אין אַ באַזונדערער פּראַכט־אויסגאַבע, איינבינד, שריפט און... אומגעווייגלעכן פאָרנעם. איין מאָן איז נישט מסוגל אויפצוהייבן דאָס בוך. כ'האָב געמוזט בעטן נאָך עמעצנס הילף אַרויפצולייגן עס אויפן טיש און קענען אַ בלעטער טאָן, אויס בלויזן נייגיר. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דעם ספר האָבן די נאַציס אין דייטשלאַנד געשאָנקען דעם ימח־שמוניק צו זיין געבוירנטאָג — און דעם ייוו"אָ האָט עס געגעבן אַ מתנה אַ יידישער אָפיציר פון דער אַמעריקאַנער באַפרייונגס־אַרמיי. נאָר ביי דעם אייגנאַרטיקן בוך פונעם פסיכאָפּאַטישן רוצח, האָט זיך גאַנץ צופעליק "צוגעשאַרט" אַ קליין, דין ביכעלע — וואָלפּענזאָנס קאָמעדיע „וועגן צביעות און לייכטזין", וואָס איז געשריבן געוואָרן איז 17־טן יאָרהונדערט. איך האָב זיך דעמאָנט, אַז די דאָזיקע קאָמעדיע ווערט איצט מיט אַ סך דערפאָלג געשפּילט אין „הבימה", דאָס נאַציאָנאַלע טעאַטער פון דער יידישער מדינה. עס האָט מיך באַהערשט אַ „מיסטיפיקאַציע":

וואַלפּענזאַנס קליין ספּרל האָט באַקומען אַ טעאַטראַלן תּיקון אין ישראל, בעת היטלערס „מיין קאַמף״ איז פאַרבאָטן אין ביידע דייטשלאַנדס.

אַז איר ווילט, איז עס אויך אַ וויכטיקער און סימבאָלישער רינג אין דער קייט פון נקמות, וועלכע מיר האָבן דערלעבט אין היטלער־דייטשלאַנד. נאָר דער פּרייז וועלכן מיר האָבן באַצאָלט — האָט צו טייער געקאָסט — אַ דריטל פון אונדזער פאָלק...

וועגן דעם פאַרגעסט מען נישט אויך אין ניו־יאָרק. אָט געפין איך זיך אויף אַן עקזעקוטיווע־זיצונג פונעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן. דער טאָג־אָרדענונג — העלפן אַנטוויקלען דעם בית התפוצות ביים תל־אביבער אוניווערסיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאָרשן און פאַראייביקן דאָס פּוילישע יידנטום — דער עיקרדיקער קרבן פון די דייטשישע רציחות. שלמה בן־יוסף, שלמה זינשטיין און אַנדערע ווילע יידן, רופן דעם עולם צו פאַרשטאַרקן די זאַמלונגען פון געלט און פון מאַטעריאַלן, כדי דערמעגלעכן אַ ווירדיקן מאָנומענט דעם טויזנט־יעריקן יידישן ישוב אין פּוילן.

אויף אַזאַ נאָסטאַלגיע און ווילן צו פאַראייביקן דעם פּוילישן שבט פון יידישן פאָלק, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויך אין לאָס־אַנזשעלעס. (י״ש ת״א, 30.7.75)

# אין דער „שטאָט פון מלאָכים״

פון ניו־יאָרק קיין לאָס־אַנזשעלעס, אַפילו מיטן עראָפּלאַן, איז אויך פאַלג מיך אַ גאַנג — עפּעס אַ שעה זעקס צו פליען איבער די וואָלקנס. דערנאָך מוז מען באַדייטנדיק אַ רוק געבן די ווייזערס פונעם זייגער. איר דאַרפט אויך וויסן זיין, אַז אין דער „שטאָט פון מלאכים״ זענען אַנדערש נישט נאָר דער קלימאַט און די שעהן, נאָר אויך אינעם אויסערלעכן אויסזען איז פאַראַן אַ געוואַלטיקער אונטערשייד. אַנטקעגן דער אייזן־בעטאָניקער קאָמפּאַקטקייט פון ניו־יאָרק, איז די צעוואָרפענע, רחבותדיקע און זוניקע לאָס־אַנזשעלעס אַן אָפּרישונג און פשוטע פאַרלייכטערונג. אַזוי, אייגנטלעך, וואָלטן באַדאַרפט אויסזען אַלע גרויסע שטעט, באַזונדערס די אַמעריקאַנער. נאָר ווער וועט דאָס אָננעמען מיינע עצות?

לאָס־אַנזשעלעס, די הויפּטשטאָט פון קאַליפאָרניע, איז דער גרעסטער אינדוסטריע־צענטער אין מערב־אַמעריקע און פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אין דער עראָפּלאַן־פאַבריקאַציע. די דאָזיקע שטאָט האָט אייגענע, רייכע נאַפטקוואַלן, פאַבריקן פון כימיקאַלן, פון געווער און אַ הויך־אַנטוויקלטע פילם־אינדוסטריע וואָס הייסט האָליווד. פון דעסטוועגן איז די קוואַליטעט פון דער סביבה, די א. ג. עקאָלאָגיע, אַ דערטרעגלעכע, אַ מענטשלעכע. נישטאָ די געדיכטקייט פון צונויפגעדרענגטע וואָלקנקראַצערס, מען פילט נישט קיין פאַרסמטע לופט פון די פאַבריקקוימענס און געפינסט זיך נישט אינעם הור־האַ פון די מעטראָפּאָליעס. דאָס לעבן דאָרט איז געלאַסענער, קולטורעלער און שטילער.

אָבער נישט אויף אַזוי פיל שטיל, אַז עס זאָל גיין צו פאַרמיידן אַזעלכע בלוטיקע אומרועןן, וועלכע האָבן מיט 10 יאָר צוריק זיך אָפּגעשפּילט אין וואַטס, אויפן באָדן פון אַנגעזאַמלטער פאַרביטערונג, אַנטוישונג און יאוש ביי די נעגערס. 34 הרוגים, 4.000 אַרעסטירטע און אַ חרוב געוואָרן פאַרמעגן פון אַ 40 מיליאָן דאָלאַר, האָבן דערמאָנט די ווייסע איינוווינערס פון שטאָט, צווישן זיי אויך די יידן, וועמענס געשעפטן זענען אַוועק מיטן רויך, אַז מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אין אַ וועלט פון ראַסן־האַס, פון קעגנזייטיקן אומצוטרוי און הויך אַנטוויקלטן מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס ביי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וואָס באַוווינען לאָס־אַנזשעלעס: נעגערס, כינעזער, יאַפּאַנער, מעקסיקאַנער, פּאָרטאָריקאַנער און אַנדערע.

און וואָס איז מכוח יידן? אָפיציעלע סטאַטיסטיקעס דערציילן, אַז לאָס־אַנזשעלעס איז דער צווייט גרעסטער יידישער צענטער אין די פאַר. שטאַטן. פאַראַן דאָרט אַ 600 טויזנט יידן.

דאָקעגן אָרטיקע אייגנווינערס, געוואַלטיקע לאָקאַל־פּאַטריאָטן, רופן אָן ציפערן פון 7 און 8 הונדערט טויזנט. איינער האָט אַפילו פאַרקיילעכיקט דעם ציפער ביז אַ מיליאָן. נאָר איבער די אַלע ציפערן, ריכטיקע צי איבערגעטריבענע, דאָמינירט דאָס געפיל. מיין איינדרוק איז, אַז אחינו בני ישראל אין לאָס־אַנזשעלעס פילן זיך גוט. מ׳איז פאַרזאָרגט מיט פרנסה, זיי האָבן ליב, שטיצן און סאָלידאַריזירן זיך מ׳יט דער יידישער מדינה. דערפאַר אָבער באַדויערן זיי אויפריכטיק, וואָס דער יידישער קוואַרטאַל אין „זייער" שטאָט, ווערט געדיכטער און צאַלרייכער מיט... „יורדים" פון ישראל — נישט, חלילה, אויס מורא פאַר קאָנקורענטן, נאָר צוליב ישראל־דיקן פּאַטריאָטיזם, הלמאי מען פאַרלאָזט די יידישע מדינה.

ס׳איז גענוג אַ קורצער שפּאַציר איבער דעם דאָזיקן קוואַרטאַל, כדי זיך איבערצייגן, אַז געאָגראַפיש געפינסטו זיך טאַקע אין לאָס־אַנזשעלעס, נאָר די געגנט דערמאָנט גיכער די פאַרמלחמהדיקע נאַלעווקעס אין וואַרשע, צי גאָר אַ לעוואַנטינישן, הגם מאָדערניזירטן באַזאַר אויפן נאָענטן מזרח. אין יענע גאַסן וועט איר באַקומען די העברעישע און אַנדערש־שפּראַכיקע צייטונגען פון ישראל, דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", אויף די שילדן פון די געשעפטן זענען פאַראַן אויפשריפטן אין עברית און אין יידיש, אין די רעסטאָראַנען וועט איר קענען אָפּעסן אַ ישראלדיקן פאַלאַפעל צי אַ גאַליציאַנער טשאָלנט, אָדער פאַרברענגען אין אַ נאַכט־לאָקאַל ווו מען הערט אָפט זינגען „ירושלים של זהב" און „מיין שטעטעלע בעלז".

דאָקעגן אין גאַנצן אַנדערש זעט אויס אַ צוזאַמענטרעף אינעם יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנזשעלעס. דאָ זעט מען אַ גרויסע ביבליאָטעק, ווו הונדערטער ביכער שטייען אויף אָפענע פּאָליצעס און בעטן זיך ממש: נעמט אונדז צום לייענען! בילדער אויף די ווענט און דער שיינער אודיטאָריום־זאָל אויף אונטערנעמונגען, געפלעגט פון האַרציקע יידן, שוין נישט קיין יונגעלייט, באַווייזן, אַז אויך דאָ זענען פאַראַן עטלעכע „משוגעים" וואָס האָבן פרייוויליק גענומען אויף זיך דעם עול פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור.

אין יענעם זאַל האָב איך געהאַט אייניקע אויפטריטן און צוזאַמענטרעפן. וועל איך בלויז דערציילן וועגן אַ חברישן צוזאַמענטרעף מיט אַ צוויי מנינים אַזעלכע יידן. אַלעקס ראַבין, דער פאַרזיצער פון קלוב, משה און רחל מאַראַקאַ (קליינבאַרד), מאַרקוס, שיכאַטאָוו, הערצאָג, בערמאַן, יאַנקל פרידמאַן און אַנדערע, וואָס האָבן מיט וואָס זיך פאַרצושטעלן אויפן פראָנט פון יידיש אין לאָס־אַנזשעלעס. זייער קלוב פירט אַ רעגולערע טעטיקייט מיט איינאָרדענען פאַרלעזונגען אויף פאַרשידענע טעמעס, יאָרצייט־פייערונגען נאָך גרויסע יידישע און נישט־יידישע פּען־מ׳ענטשן און געלערנטע. פאַראַן דאָרט אַ לייען־זאַל מיט אַ רייכן אויסוואַל פון צייטונגען, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט צו פירן ספּעציעלע אָוונטן פאַר פרעסע־איבערזיכטן. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אַן אַנגעזעענעם ביכער־אוצר, הגם ווינציק לייענערס.

אָבער דאָס אַלץ איז, אַזוי צו זאָגן, פאַר זיך, פאַרן אייגענעם געברויך. די יידן דערציילן, אַז זיי זענען טרייע קאָלפּאָרטערן פונעם געדרוקטן יידישן וואָרט אין ישראל, ספּעציעל — די אויסגאַבן פונעם קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור, ווי „ביי זיך" און די ביכער פון די יידיש־סאָוויעטישע שרייבערס, נייע עולים. אויך „די גאָלדענע קייט" האָט אַן אַנגעזעענע צאָל אַבאָ־נענטן און די פאַרשפרייטונג פון „ישראל־שטימע" אין לאָס־אַנזשעלעס איז אַ באַדייטנדיק גרעסערע ווי אַפילו אין געוויסע שטעט אין ישראל. בכלל האָבן די היגע יידיש־אויסגאַבן אַ נישקשהדיקן אָפּזאַץ־מאַרק איז לאָס־אַנזשעלעס, פון וואַנען מען האָט שוין אַפילו איבערגע־שיקט 800 דאָלאַר פאַרן קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור און מען באַטייליקט זיך אויך אין די זאַמלונגען פאַרן בית לייוויק אין תל־אביב. די דערמאָנטע יידן זענען גרייט אויך ווייטער צו שטיצן יידיש אומעטום, באַזונדערס — אין מדינת ישראל.

לייגט זיך אויפן שכל, אַז דער דאָזיקער פאָרום זאָל מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן וועגן יידיש אין ישראל:

פאַר וואָס לערנט מען נישט מאַמע־לשון אין די פאָלקס־שולן און גימנאַזיעס אין ישראל?

פאַר וואָס ווילן עמיסאַרן פון ישראל פאַרבעסערן די מערכה פון יידיש אין אויסלאַנד, און טוען נישט דאָס זעלבע ביי זיך אין דער היים?

פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ נעגאַטיווע באַציונג צו יידיש אין ישראל, באַזונדערס מצד די אַ. ג. אָפיציעלע קרייזן?

נאָר די עיקר פראַגן „האָבן זיך געדרייט" אַרום דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וועלכער האָט געזאָלט פאַרקומען אין זומער 1975 און געוואָרן אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטן טערמין.

דעם אמת געזאָגט, זענען דאָס נישט געווען קיין איבעראַשנדיקע פאַר מיר פראַגן, ווייל די און ענלעכע טענות, האָב איך געהערט אויך אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, ניו־יאָרק. איצט איז געקומען די ריי אויף לאָס־אַנזשעלעס. עפּעס ענלעכס דערוואַרט מיך אַוודאי אין אַנדערע ערטער. און ווי אַ ישראלדיקער וואָס איז עטוואָס נאָענט צו דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטיק, איז מיר נישט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז אַ טייל פראַגן זענען גאָר פון „תוצרת הארץ", ד. ה., זיי שטאַמען פון ישראל, הגם זיי ווערן געשטעלט אין לאָס־אַנזשעלעס. ס'איז מיר אויך נישט שווער געווען צו ענטפערן און פאַרענטפערן די אַלע פראַגן, וועלכע זענען נישט אַזוי קיצלדיק און פּראָוואָקאַטיוו ווי ס'קען זיך אויסדאַכטן. (וועגן דעם האָב איך געשריבן אין „ישראל־שטימע" פון 16־טן יולי 1975).

מיין רעזומירנדיקע תשובה אויף יענעם צוזאַמענטרעף אין לאָס־אַנזשעלעס איז געווען אַזאַ:

בנוגע יידיש אין ישראל, געהער איך צו די אָפּטימיסטן וואָס האַלטן, אַז די האַלבע גלאָז איז פול; נאָר וואָס שייך יידיש אין די תפוצות, בין איך שוין דווקא אַ פּעסימיסט, וואָס האַלט אַז די האַלבע גלאָז דאָרט איז גאָר ליידיק... דער ביטערער און אפשר אויך — אָביעקטיווער אמת, איז דער, אַז אין ביידע פאַלן, ביי אונדז אין ישראל, ווי ביי די יידן אין אויסלאַנד, איז דאָס יידיש־מעסטל נישט פול. טאַקע נאָר אַ העלפט. און אויב די פאַראַנענע העלפט הייבט אָן זיך אויסליידיקן, געשעט עס אין אַ שנעלערן טעמפּאָ אין ניו־יאָרק ווי אין ירושלים, אין בוענאָס־איירעס ווי אין תל־אביב. אַוודאי איז עס נישט קיין טרייסט פאַר קיין איינעם פון די „צדדים", ווייל אין באַצוג צו יידיש דאַרפן מיר זיך נישט באַטראַכטן ווי קאָנקורירנדיקע אָדער זיך באַקעמפנדיקע קעגנערס, נאָר כלערליי קריטיקס, באַוואָרענישן, פאַרדאַכטן און מחלוקתן איז נייטיק צו פאַרוואַנדלען אין אַ ישראלדיק־תפוצותדיקער קאָאָפּעראַציע צו שטאַרקן אומעטום די יידישע ליטעראַטור, קולטור, טעאַטער און פּרעסע. דער פאַרשטייענדיקער קולטור־קאָנגרעס איז אפשר דער לעצטער שאַנס, אַרויסרוף און האָפענונג צו דערפילן, מיט בשותפותדיקע כוחות, די אַלע אויפגאַבן פאַר יידיש.

און פון יידישער קולטור — צו אַגריקולטור.

## „ברויט איז וויכטיקער ווי הארמאטן"

צוזאַמען מיט מיינע גאַסטגעבערס און לאַנדסלייט באַלטשע און ישראל אייזענבערג, זענען מיר פאַרבעטן אין געסטעריי צו אַ בן־עיר וואָס איז נאָך דער מלחמה געקומען קיין לאָס־אַנזשעלעס און אַזוי זיך אַרויפגעאַרבעט, אַז ער פאַרנעמט אַוודאי דאָס ערשטע אָרט אין דער וועלט ווי אַ פאַרמער און אייער־פּראָדוצענט.

מילא, אַ רייכער ייד אין אַמעריקע — איז גאַרנישט אַזאַ נאָווינע. אָבער טיילן זיך ברייט־האַרציק מיטן רייכטום, דורך שפּענדונגען פאַר דער יידישער מדינה און פאַר יידישע אינס־טיטוציעס אין די פאַר. שטאַטן און אין ישראל, ווי אויך אָפּהיטן דעם נאַציאָנאַלן כבוד און שטאָלץ — דאָס איז שוין נישט אַזאַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אָבער ביי יואל און מערי גאָלדמאַן איז עס אַזוי נאַטירלעך און זעלבפאַרשטענדלעך צו שפּענדן יעדעס יאָר אַ מיליאָן

דאָלאַר פאַרן אַגרי־קולטור פאַקולטעט ביים ירושלימער אוניווערסיטעט, צו עטאַבלירן און פינאַנסירן אַ קולטור־פאָנד און יערלעכע ליטעראַטור־פרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין, שוין אָפּגערעדט פון אַנדערע, וויכטיקע פילאַנטראָפּיעס. ווי זאָגט מען אויף אַזעלכע יידן: אַן אָפּן האַרץ און אָפענע קעשענעס.

און אין וואָס באַשטייט דער אָפּהיט פון נאַציאָנאַלן כבוד?

יואל גאָלדמאַן האָט ממש מיט לײדיקע הענט אויפגעשטעלט זיין הינערפאַרם, וועלכע פּראָדוצירט טעגלעך אַ 2 מיליאָן אייער. ביי דער דאָזיקער פאָרם פונקציאָנירן אויך פאָרש־לאַבאָראַטאָריעס צו פאַרמיידן קראַנקייטן ביי די עופות און אייניקע אונטערנעמונגען אויסצואַר־בעטן פאַר זיי עסן. אַ 500 אַרבעטער זענען דאָרט באַשעפטיקט, און וואָס שייך פרנסה, באַקלאָגן זיי זיך נישט. אַז וואַרשע און מאָסקווע האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם אַמעריקאַנער מומחה פאַר הינער און אייער, הגם מיט אַזאַ עכט יידישן נאָמען, האָט מען אים גאַסטפריינטלעך פאַרבעטן צו קומען קיין פוילן און ראַטנפאַרבאַנד און דאָרט אַנטוויקלען די הינער־צוכט און אייער־פּראָדוקטיוויטעט. די איינלאַדונגען זענען אָנגעקומען נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען די אַנטי־ישראל העצע און אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין יענע לענדער האָבן דער־גרייכט דעם הויכפונקט. דאָס סאָוויעטישע לאַנדווירטשאַפט־מיניסטעריום האָט פאַרזיכערט דעם לאָס־אַנזשעלער ייד אַ הויכן געהאַלט, פולע קעסט אין שענסטן האָטעל אין מאָסקווע און אַן אומגעשטערטע מעגלעכקייט אַרומצופאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד. מיין פריינד האָט אויף די אַלע לאָקנדיקע און חניפהדיקע צוזאָגן געענטפערט „מוחל טובות”, און נישט געפאָרן אהין אַלס פּראָטעסט קעגן מאָטשאַרס און גאָמולקאַס אַנטיידישן פוילן און קעגן ברעזשניעווס און קאָסי־גינס באַוואָפענען די אַראַבער.

איך פרעג מיין לאַנדסמאַן:

— וואָס עפּעס אַ גאַנצער מיליאָן דאָלאַר פאַר איין פאַקולטעט? וואָלט נישט געווען מער יושרדיק צו פאַרטיילן די סומע פאַר עטלעכע פאַקולטעטן, אָדער פאַר אַנדערע צילן?

— אין די זיבן מלחמה־יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, פון 1939 ביז 1945, האָב איך אַליין געליטן הונגער און אויך צוגעזען ווי דאָס גרויסע רוסישע פאָלק האָט נישט געהאַט גענוג ברויט צו דער זעט. שוין אין יענע צייטן איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז דער פונדאַמענט פאַרן קיום פון יעדן פאָלק איז — ברויט. דעריבער מיינע שפענדונגען פאַרן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַקולטעט אין רחובות, ווייל איך וויל זען אין ישראל אַ נאָך מער אַנטוויקלטע אַגרי־קולטור, וואָס זאָל זיכערן דער מדינה גענוג עסן פאַר די מענטשן און בעלי־חיים. ברויט איז אפשר וויכטיקער פון האַרמאַטן...

☆

ווי ענלעך זענען די דאָזיקע ווערטער צו די דערקלערונגען פונעם נישט לאַנג פאַרשטאָר־בענעם פאַרזיצער פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פנחס ספיר, וואָס האָט אָפּט דעקלאַרירט זיין ציוניסטישן אַני־מאמין:

— אַ מיליאָן עולים אין ישראל איז מיר וויכטיקער ווי צענדליקער „פאַנטאָמס”...

(י״ש ת״א, 27.8.75)

## „בייזע ווינטן קלאַפּן אין יידישע היימען”

דער „קאַפּ” איז נישט מיינער, נאָר אַרויסגענומען פון אַ בראַשור, וועלכע איז מיט אַ יאָר צוריק דערשינען אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע: „די קהילה אין בוענאָס־איירעס, איר אַרבעט, אויפטוען און דערגרייכונגען — צום 80־סטן יובילײ”. ווערט דאָרט צוו. אַנד. געשריבן אויף ז׳ 6: „עס רייסן זיך אָבער אַריין אין יידישן לעבן אַ צאָל געמישטע חתונות, אַ ריי יידן

קומען נישט צו קבר ישראל, נאָר ווערן באַגראָבן אויף די צוויינטערס און נאָך בייזע ווינטן קלאַפּן אין יידישע היימען". אַזוי ווי כ'האָב אין יענער שטאָט פאַרברענגט אַ 15 טעג, מערער ווי אין אַנדערע ערטער, איז געווען אַ מעגלעכקייט זיך איבערצוצייגן, אויפן סמך פון פּערזענלע־כע אָבסערוואַציעס, אַז די דאָזיקע פּעסימיסטישע אָפּשאַצונג איז, צום באַדויערן, אַ ריכטיקע.

איך פּשוטע יידן דאָרט האָבן זיך אויסגעדריקט, אַז יידיש לעבן אין אַרגענטינע איז געגליכן צו דער אַרטיקער וואַלוטע, די פּעזע: ביידע ווערן כסדר דעוואַלואירט. אויב צו דער אַנטווערטונג נאָך צוגעבן די געשפּאַנטע אינערלעך־פּאָליטישע סיטואַציע אין דעם דאָזיקן גרויסן און רייכן לאַנד, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז בעצם איז דאָרט אַלץ אונטערן צייכן פון ירידה. נישט אַנדערש, אַז מ'ר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ כראָנישער קראַנקייט, וועלכע האָט טיף געטראָפן אַלע יידישע ישובים אין די תפוצות, און גאָר באַזונדערס אַרגענטינע, טאַקע דערפאַר ווייל אין דעם לאַנד האָט יאָ געבליט אַן אָרגאַניזירט קהילה־לעבן, מיט פּרעכטיקע יידישע שולן, פאַרלאַגן, פּאַרטייען און קולטור־אינסטיטוציעס לרוב. אויפן פּאָן פון רייכן נעכטן זעט דעריבער אויס דער היינט אָרעמער און איינגעשרומפּענער. צום גליק, איז נאָך אַ סך געבליבן (ווייל ס'איז געווען פון וואָס), און דאָס באַמיט מען זיך איינצוהאַלטן מיט ציין און נעגל. האַלעוויי וואָלטן די שכנותדיקע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער געקענט זיך רעפּרע־זענטירן מיט אַזאַ יש, ווי דאָס פאַרמאָגט נאָך אַרגענטינע.

## אין דער קהילה

נעמט טאַקע די קהילה, הגם נישט מער ווי בערך אַ 10% פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען איר אַנגעשלאָסן (אַ 50 טויזנט מיטגלידער פון אַ קאָרגן האַלבן מיליאָן נפשות), דאָך איז זי די אַנערקענטע, אויטאָריטעטע דאַך־אָרגאַניזאַציע פון אחינו בני ישראל אין גאַנץ אַרגענטינע, ווייל די „דאַיאַ" נעמט אויך אַרום אַ 125 קהילות אין דער פּראָווינץ און שטייט בראש פונעם אָרגאַניזירטן יידישן לעבן אין יענעם לאַנד.

אין דער באַגלייטונג פון ד"ר פּערלאַ פּרץ און נחום בורשטין באַזוך איך די „אַמיאַ", אויף דער פּאַסטער־גאַס נומ' 633. מ'טן פּרעזעס פון דער קהילה, אינזש' חיים רייכענבערג, פירן מיר אַ פריינדלעכן שמועס. פון זיינע אינפאָרמאַציעס, ווי אויך פון געדרוקטן מאַטעריאַל וועלכן די קהילה גיט אַרויס, באַזאָמען מיט אַן אַריינבליק אין די אַרבעטן וועלכע זענען לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע וועגן דער אַרגענטינער תפוצה, שאַפט זיך אַן אַלזייטיק בילד פונעם דאָרטיקן יידישן לעבן.

פון די 25 מיליאָן איינוווינער אין יענעם לאַנד בילדן די יידן בסך־הכל אַ 2%. די פּלאַג פון געמישטע חתונות דערגייט אין דער פּראָווינץ צו אַ 33%, און אין דער הויפּטשטאָט 5%. פאַראַן נאָך אַן אינטערעסאַנטע, נאָר גאַרנישט פריילעכע סטאַטיסטיק, אַז 75% פון די יידישע סטודענטן זענען אַנגאַזשירט אין די עקסטרעם־לינקע אָרגאַניזאַציעס. קלאָר, אַז דער גורל פון וויעטנאַם צי פון בענגאַלאַדעש איז די דאָזיקע יוגנטלייט אַ סך נענטער צום הארצן, ווי די ווייען און ראַנגלענישן פון מדינת ישראל. פאַרן ווילזיין פון יענע לענדער איז מען גרייט צו גיין אויף באַריקאַדן, נאָר וואָס שייך ישראל, סאָלידאַריזירט מען זיך מיט אירע פאַרלוימדערס און העצערס. בכלל איז מער ווי אַ העלפט פון דער יידישער יוגנט אָפּגעפרעמדט פון יידישן לעבן — און ס'איז קיין וווּנדער, אויב נישט מער ווי 15% פון אונדזערע קינדער באַקומען יידישן חינוך.

נאָר פאַרוואָס קומען מיט טענות צו דער יוגנט, הלמאי זי איז גלייכגילטיק צו ישראל, ווען אויך דער עלטערער דור ווייזט נישט אַרויס צופיל התלהבות. בסך־הכל 5% פונעם ישוב קויפן ישראל־באָנדס און דער מגבית צייכט בלויז 32 טויזנט באַשטייערערס. הייסט עס, אַז אַ גרויסע מערהייט דרייט זיך פּשוט אַרויס פונעם דערפילן זייער נאַציאָנאַלן חוב כלפּי ישראל און אַז

אויך די ציוניסטישע פעדעראַציע, מיט אַלע אירע פּאַרטייען, זענען געגונג שוואַך כדי אַרומצו־נעמען וואָס מערער יידן אויף געלט־שפּענדונגען פאַר דער מדינה.

נישט נאָר כלפּי ישראל מערקט זיך גלייכגילט. ווי דערמאָנט, זענען אין דער קהילה אַנגעשלאָסן אַ 50 טויזנט יידן. אַפילו אָפּטימיסטישע קאַלקולאַציעס פון דער פאַרוואַלטונג שאַצן אָפּ, אַז ס'איז מעגלעך צו פאַרגרעסערן די דאָזיקע צאָל, מאַקסימום ביז 70—80 טויזנט. ווען מ'איז אַ צייט צוריק זענען פאַרגעקומען וואַלן צו דער קהילה, האָבן נישט מער ווי 13 טויזנט אָפּגעגעבן זייערע שטימען. ווי עס זאָל נישט זיין, זענען אויך די געשווירענע מיטגלידער פון דער קהילה נישט געלאָפן מאַסנווייז צו דער וואַל־אורנע, וואָס שאַפט אַן איינדרוק (און שטימונג) אַז „עס גייט מיך נישט אָן".

פאַרוואָס גלייכגילטיקייט? „אַמיאַ" איז דאָך נישט נאָר די רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך אַ זייער תכליתדיקע, אויף כמעט אַלע געביטן פונעם יידישן לעבן, ווי דאָס באַווייזן די פונקציאָנירנדיקע אָפּטיילונגען און רעסאָרטן פאַר חינוך, קולטור־אַרבעט (פאַר יוגנט און דערוואַקסענע), סאָציאַלע הילף, פאַרבינדונגען מיט ישראל, סובסידיעס פאַר אינסטיטוציעס, רעליגיעזע ענינים, ועד הקהילות, בוררים־געריכט.

אויך די געשיכטע פון דער קהילה איז גאַנץ באַלערנדיק. דעם 11טן פעברואַר 1894 איז אין בוענאָס־איירעס געגרינדעט געוואָרן די חברה קדישא, וועלכע האָט דעמאָלט געציילט בלויז 85 מיטגלידער. ערשט אין מערץ 1949 איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער איצטיקער קהילה („אַמיאַ"). ווייזט אויס, אַז דער ערשטער נאָמען פון דער אינסטיטוציע האָט געלייגט אַ פעסטן חותם אויפן בודזשעט, ווייל 88% פון דער הכנסה קומט פון... געשטאָרבענע, און בלויז 12% — פון מיטגליד־אָפּצאָל. מ'איט אַנדערע ווערטער: וואָס מערער טויטע — אַלץ גרעסער די הכנסה. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַ „שענער אָרט" אויפן „גוטן אָרט" איז דער פּרייז אַ גאָר הויכער. און דער וואָס איז געווען אַן אָרעמאַן ביים לעבן, וועט אויך אויפן בית הקברות נישט זוכה זיין צו ליגן ביי דער „מזרח־וואַנט"...

אַז מיר רעדן שוין וועגן אָרעמלייט, דאַרף מען וויסן, אַז אין אַרגענטינע, פּונקט ווי אין אַמעריקע, איז נישט יעדער ייד אַ ראָטשילד. איבערן חודש ווערן דערלאַנגט אין דער סאָציאַלער אָפּטיילונג פון דער קהילה אַ 700 בקשות פאַר הילף. אין משך פון יאָר דערגייט דער ציפער ביז אַ קאַרגע 10 טויזנט (שוין אַריינגערעכנט די וואָס געניסן פון מעות חיטים). אַזאַ הילף פאָדערט טאַקע בודזשעטן, לייגט זיך דעריבער אויפן שכל, וואָס מען רייסט פון טויט און פון לעבעדיק, ווייל די קהילה טיילט אויך אויס חודשלעכע סובווענצן דעם אַקטיאָרן־פאַריין, ייוואָ, יידישן קולטור־קאָנגרעס, פריינד פון הסתדרות, יידישן שפּיטאָל, „אָרט", שרייבער־פאַריין און אַנדערע.

די קהילה העלפט דעם יידישן שרייבער — דורך קויפן ביכער ביי די פאַרלאַגן, צי ביים מחבר גופא און פון צייט צו צייט ווערט אויך צוגעטיילט אינדיווידועלע שטיצע. דער קולטור־רעסאָרט פאַרנעמט זיך אויך מיט אָרגאַניזירן יעדעס יאָר אַ „חודש פאַרן יידישן בוך". טויזנטער ספרים אין יידיש, עברית און שפּאַניש ווערן אויסגעשטעלט צום באַקוקן, באַוווּנדערן און צום קויפן פאַר אַ הנחה־פּרייז, און ס'ווערן פאַרקויפט אַ סך ספרים. די אויסשטעלונג איז אויך באַגלייט מיט קולטור־אימפּרעזן, ווי רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס, קאָנצערטן. דער יידישער פען־מענטש אין אַרגענטינע פילט זיך נישט פאַרשטויסן דורך זיין קהילה.

די זעלבע „אַמיאַ" טוט איצט אַלץ, כדי באַנייען די טראַדיציע פונעם בעסערן יידישן טעאַטער. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט באַשעפטיקט זיך מיט דעם ענין און בעת מיין באַזוך, האָט מען גערעדט וועגן אַראָפּברענגען אַהין אַ ישראלדיקן רעזשיסער.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און גרופּן באַקומען פון דער קהילה חודשלעכע סובווענצן. זייער רשימה איז זייער אַ לאַנגע. דער „השומר־הצעיר" אַליין שטעלט צו אַ יאָר אַזוי פיל יוגנטלעכע

עולים קיין ישראל, וויפל אַלע אַנדערע יוגנט־באַוועגונגען, נאָר וואָס שייך דער שטיצע פון דער קהילה — איז שוין נישט דער „השומר הצעיר" אויפן ערשטן אָרט. מיר שיינט, אַז אויך די סוכנות באַנוצט זיך מיט אַן ענלעכן „שליסל" צו פאַרטיילן בודזשעטן פאַר די פאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: די וואָס גיבן דער מדינה די גרעסטע צאָל עולים — פאַרנעמען נישט דעם אויבנאָן אויף צו געניסן פון די סוכנות־געלטער. גיי שריי חי וקיים!...

**אויפן געביט פון חינוך**

ווען איך בין געווען אין בוענאָס־איירעס, האָבן די שול־פעריען זיך שוין געהאַט געענדיקט, אָבער דאָס נייע שול־יאָר איז געוואָרן אָפּגעלייגט. איז דעריבער געווען אוממעגלעך צו באַזוכן אַ גאַנצע ריי חינוך־אַנשטאַלטן און מ׳האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט וויזיטן, נאָר דאָרט ווו מ׳איז גרייט געווען דיך אויפצונעמען — און דאָס איז פאָרגעקומען אין דער שלום־עליכם שול און אין דער „תרבות"־שול.

(י"ש ת"א, 10.9.75)

# אין יידישע שולן און אינסטיטוציעס אין בוענאָס־איירעס

בסך־הכל 16 טויזנט יידישע קינדער אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע געניסן פון יידישן חינוך. אויף דער פּראָווינץ — אַ 5.200. צוזאַמען, איבער 21.000, וואָס באַטרעפט אַ 15%. דער דאָזיקער פּראָצענט איז אַ גענוג טרויעריקער באַוויז ווי שמאָל מיר האַלטן מיטן דער־ציען יידישע קינדער. דאָקעגן איז דער באַזוך אין צוויי גרויסע יידישע שולן אַ צופרידנ־שטעלנדיקער און דערמוטיקנדיקער.

**די „סינטעזע" און דער „סוד" פון דער שלום־עליכם שול**

איך וויל אָנהייבן פונעם שול־דירעקטאָר, ווייל לויט מיין שכל, וואָלטן אַ סך אַזעלכע בחורים ווי ער, באַדאַרפט פאַרוואַלטן מיט יידישע שולן אין די תפוצות. משה קורין איז געבוירן אין אַרגענטינע. אַז אַבסאָלווענט פון דער שלום־עליכם שול אין בוענאָס־איירעס, האָט ער אין יאָר 1963 עולה געווען קיין ישראל און אַוועק אין קיבוץ כברי. מיט 3 יאָר צוריק האָט דער חינוך־דעפּאַרטאַמענט פון דער יידישער אַגענץ אים געשיקט קיין אַרגענטינע, ווו ער שטייט בראש פון אַ לערן־אַנשטאַלט, וועמענס פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט איז נאָך אַלץ דער שטאָלץ פון אָרטיקן יידישן ישוב.

די שלום־עליכם שול, געגרינדעט אין יאָר 1934, ציילט היינט אַ 2 טויזנט שילערס און שילערינס — אינעם קינדערגאָרטן (500), אין דער עלעמענטאַר־שול און גימנאַזיע. פאַראַן אויך אַ צוגאָב־שול, ווו 400 קינדער געניסן פון יידישע לימודים אין משך פון 15 שעה אַ וואָך, און אַ צוגאָב־גימנאַזיע פאַר 5250 קינדער (20 שעה אַ וואָך). דער פּעדאַגאָגישער, טעכנישער און אַדמיניסטראַטיווער פּערסאָנאַל ציילט 200 פּערזאָן.

די אונטערריכט־שפּראַכן, אויסער שפּאַניש, זענען יידיש און העברעיש. „אַ יידישע שול אָן עברית און אָן תנ"ך, איז נישט מסוגל צו דערציען און אויסבילדן אַן אינטעליגענטן יידישן מענטש" — דערקלערט דער דירעקטאָר מיר און מיין באַגלייטער קאָפּל מיזשעריצקי. און ער גיט צו: „ס׳איז אַן אומזין צו לערנען תנ"ך אין יידיש". פאַרשטייט זיך, אַז זיין מאָטיוואַציע איז אַ ריין פּעדאַגאָגישע, לגמרי ווייט פון וועלכן ס׳איז שפּראַכן־אַנטאַגאָניזם. נאָך עפּעס: פאַר אַלעמען פאַרפליכטן דאָך אין אַזעלכע שולן די מלוכהשע לערן־פּראָגראַמען, און ערשט דערנאָך, מיט אַ צוגאָב פון נאָך שעהן אין טאָג, איז מעגלעך צו לערנען יידיש, יידישקייט, יודאַיסטיק. דאָס מיינט, אַז אַ קינד וועמענס עלטערן ווילן אים דערציען אין נאַציאָנאַלן גייסט,

מוז זיצן אויף דער שול־באַנק אַ גאַנצן טאָג, בעת זיין קריסטלעכער חבר ווערט פריי אַרום 1—2 באַטאָג.

אַ 100 לערערס און לערערינס פון דער שלום־עליכם שול האָבן געענדיקט דעם סעמינאַר פאַר פּרעבליסטינס א. נ. פון ש. י. עגנון, צי דעם לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל. אַ טייל פון זיי האָבן אויך געלערנט 1 יאָר אין מכון גרינבערג אין ירושלים, ווי אויך אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

די שול האָט אַפּילו אַן אייגענעם פאַרלאַג פאַרן לערן־מאַטעריאַל, דער עיקר אין יידיש, און אין לעצטן יאָר אַרויסגעגעבן אַרבעט־העפטן און ביכלעך, ווי „אַ גוט יום־טוב", „גבורה", „מיין שול", אויסדערוויילטע פראַגמענטן פון דער יידישער ליטעראַטור און לייען־מאַטעריאַל פאַר דער מיטלשול.

אין אַרגענטינע, ווי אין אַ סך לענדער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, ווערן די קינדער געבערענגט אין שול און אַהיימגעפירט מיט ספּעציעלע אויטאָקאַרן. די שלום־עליכם שול ווערט באַדינט פון 12 אַזעלכע אויטאָקאַרן.

איך פרעג מכוח דעם בודזשעט. פון דער באַקומענער תשובה ווייזט זיך אַרויס, אַז דער בודזשעט באַטרעפט בערך אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. 50% ווערט געדעקט פון שכר־לימוד, 25% גיט די קהילה („אַמיאַ") און נאָך 25% — פון איינקאַסירטע חובות, שפּענדונגען און אונטערנעמונגען, וועלכע עס פירט אַדורך דער עלטערן־קאָמיטעט.

90% עלטערן פון די קינדער אין דער שלום־עליכם שול פאַרשטייען יידיש און זיי שטרעבן אויפריכטיק דערצו, אַז זייערע קינדער „זאָלן נישט וואַקסן קיין גויים". אין יענער שול לערנט מען אין ביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, — יידיש און העברעיש. מעגלעך, אַז די דאָזיקע „סינטעזע" איז אויך דער „סוד" פונעם דערפאָלג פון דער שלום־עליכם שול, וועלכע ציילט, ווי געזאָגט, 2.000 תלמידים און איז די גרעסטע אין אַרגענטינע.

## אין דער „תרבות"־שול

דער דירעקטאָר פון דער „תרבות"־שול, ה' זאַבעלינסקי, לאָזט איבער אַלע זיינע באַשעפטי־קונגען און נעמט גערן אויף דעם גאַסט פון ישראל און זיינע צוויי אַרטיקע באַגלייטערס: יומעק שוואַרצבוים און מולעק מיאַדאָוויניק. ביידע טעכטער פונעם לעצטן לערנען אין דער דאָזיקער שול, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1961 — „אַ חודש נאָכן כאַפּן אייכמאַנען" — גיט צו דער דירעקטאָר. אין ערשטן שול־יאָר, באַלד נאָך דער גרינדונג, האָבן דאָרט געלערנט 80 קינדער, איצט — 750. אויך דאָ הייבט מען אָן פון גן (קינדער־גאָרטן), פאָלקס־שול און מיטלשול. 150 לערער און לערערינס „דערלאַנגען" די תלמידים אַלגעמיינע און יודאַיסטישע לימודים אין עברית, שפּאַניש און ענגליש. דאַקעגן יידיש ווי אַ שפּראַך — נישטאָ אַזעלכעס!

די עלטערן פון די קינדער שטעלן מיט זיך פאָר אַ קיבוץ גלויות: ספרדישע, אשכנזישע און אַרטיק געבוירענע יידן, נאָר זיי פאַראייניקט אַ באַשטימטער מעמד: גוט סיטויִרטע, פאַר־מעגלעכע יידן, וואָס קענען זיך דערלויבן צו צאָלן דעם הויכן שכר־לימוד, וועלכער איז טאַקע דער בודזשעטאַרער יסוד אויסצוהאַלטן די אינסטיטוציע. אויך די חינוך־אָפּטיילונג פון דער „אַמיאַ" גיט איר צושטייער. די שול איז אַן אינטעגראַלע, מען לערנט דאָרט אַ גאַנצן טאָג. 20 אויטאָבוסן פאַרשפאַרן די קינדער קאָמוניקאַציע־שוועריקייטן, ווייל די שול געפינט זיך אין אַליוואָס, אַ 20 קילאָמעטער פון צענטער שטאָט.

פאַר אַ ייד פון ישראל איז סתם אַ פאַרגעניגן זיך אויסצושמועסן מיט עטלעכע קינדער אין עברית. נאָר ווען כ'האָב פּרובירט זיי „פאַרטשעפּען" מיט אַ וואָרט אין יידיש — האָב איך זיך נישט דערוואַרט קיין ענטפער. אַ סברה, אַז די „תרבות"־שול אין בוענאָס־איירעס האָט זיך נישט צוגעאייגנט די „סינטעזע" פון דער שלום־עליכם שול. דערפאַר איז שוין נישט קיין סוד,

אַז אין ביידע דערציִונג־אַנשטאַלטן זענען נאָך היינט גילטיק די שורות פֿונעם באַקאַנטן פֿאָלקס־ליד: „יאָרן האָט דאָס קינד נאָר דריי / און שפּראַכן האָט עס פֿיר...״

וואָס פּאַסירט שפּעטער? כל זמן אַ יידיש קינד לערנט אין אַ שלום־עליכם שול, אין אַ „תרבות״־שול, צי אין אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן, ביזן ענדיקן די גימנאַזיע און באַקומען די מאַטורע — ווערט נאָך איינגעהאַלטן די רעם פֿון יידישן חינוך, אָבער נאָך דעם, אַז מען קומט אָן אין אוניווערסיטעט, איז אויס מיט יידישע לימודים. קיין יידישן אוניווערסיטעט פֿאַרמאָגן מיר נישט אין בוענאָס־איירעס, וואָס מיינט — נישטאָ קיין נאַטירלעכער המשך אָנצוגיין מיט יידישע לימודים.

## „הכּוח״ און „העבראַיקאַ״

כּדי אַרומצוגיין דעם ריזיקן שטח, וועלכן עס פֿאַרנעמט דער טורן־פֿאַריין „הכּוח״ אין בוענאָס־איירעס, דאַרף מען אַליין זיין אַ שטיקל ספּאָרטלער און אויך — יונגער אין יאָרן. נאָר אָפּילו דאָס ווינציקע וואָס מען באַוויזט צו באַזוכן, ברענגט צום אויסדרוק אַ סך יידישע מחשבה, איניציאַטיוו און שאַפֿונג־גייסט. קנאַפּע 40 יאָר עקזיסטירט דער „הכּוח״, וועלכער ציילט איצט עטלעכע צוואַנציק טויזנט מיטגלידער — עלטערן און קינדער, גאַנצע משפּחות, וואָס יעדער מיטגליד זייערער געפֿינט דאָרט אינטערעס און באַשעפֿטיקונג, לויט זיינע געזעל־שאַפֿטלעכע און ספּאָרטלעכע נייגונגען: טעניס און קוישבאָל, שיפֿלעך און יאַכטעס, פֿוטבאָל און האַנטבאָל, אָלימפּישע שווים־באַסיינען און וואַסער־באַל, לייכט־אַטלעטיק און שאַך. עס גייט דאָרט אויך אָן אַן אינטענסיווע בוי־אַרבעט פֿון הייזער מיט קליינע, נאָר פֿיין איינגעאָרדנטע וווינונגען, צו פֿאַרדינגען אויף סוף־וואָך אָפּרוען, צי פֿאַרברענגען די יום־טובֿים, אורלויבן און סתם אַנטלויפֿן אַהין פֿון דער טומלדיקער שטאָט.

די מיטגלידערשאַפֿט אין „הכּוח״ איז פֿאַר אַן אָפּצאָל, וועלכן נישט יעדער ייד אין בוענאָס־איירעס קען זיך דערלויבן. ווייל אויסער דעם חודשלעכן בייטראָג, דאַרף מען אויך אַריינטראָגן אַ בכבֿודיקן איינשרייב־געלט. נאָר קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ. אויב יידן „ווילן מאַכן שבת פֿאַר זיך״, אויפֿשטעלן אינסטיטוציעס וואָס זאָלן באַדינען נאָר זיי — מוז דער בודזשעט קומען פֿון יידישע קעשענעס, בפֿרט פֿאַר אַזאַ אינסטיטוציע ווי דער „הכּוח״.

דאָס זעלבע איז אויך גילטיק פֿאַר דער „העבראַיקאַ״, וווּ ס'איז פֿאַראַן וואָס צו באַוווּנדערן. אַ גאַנץ הויז אין צענטער שטאָט, דאָרט זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. יידישע קינדער און יוגנטלעכע פֿון 5 ביז 20 יאָר, פֿאַרפֿולן די פֿאַרשידענע זאַלן מיט ספּאָרט־איינריכטונגען. די פֿילסט און זעעסט באַשיינפּערלעך, אַז דער פֿאַרברענג אין יענער אינסטיטוציע פֿאַרשאַפֿט אַ סך פֿרייד און נחת.

אין דער „העבראַיקאַ״ פֿירט מיך אַרום די יונגע, חנעוודיקע אינסטרוקטאָרין זיסעלע מיזשעריצקי, אין באַגלייטונג פֿון אירע עלטערן ראַסיטאַ און דוד. אין אַ ריזיקן און שיינעם שווים־באַסיין באָדן זיך אין וואַרעם וואַסער צענדליקער יוגנטלעכע. אין אַן אַנדערן זאַל טוען דאָס זעלבע מאַמעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט. אין די גרויסע גימנאַסטיק־זאַלן קאָמאַנדעווען די לערערס און אינסטרוקטאָרן מיטן קליינוואַרג און יונגוואַרג. אויך דזשודאָ און קאַראַטע לערנט מען דאָרט. און פּינגפּאָנג ווערט געשפּילט אויף אַ סך טישן. פֿאַראַן אויך אַ קינאָ, אַ רעסטאָראַן, פֿריזיר־אַנשטאַלט, אַ שוויץ־באָד, בילדער־גאַלעריעס.

אַלע אויפֿשריפֿטן אויף די טירן און ווענט זענען אין שפּאַניש. קיין יידיש אות זעט מען נישט. אָבער די אַטמאָספֿער איז אַ דורכויס יידישע. מיין וועגווייזערין אין דער „העבראַיקאַ״, די דערמאָנטע זיסעלע, האָט נאָר וואָס געהאַט זיך אומגעקערט פֿון אַ וויזיט אין ישׂראל, וווּ זי האָט 2 חדשים געאַרבעט און געלערנט אין אַ קיבוץ. האָט איר באַדאַרפֿט זען ווי די קינדער פֿון איר גרופּע, מיט וועלכער זי פֿירט אָן, האָבן זי אויפֿגענומען מיט הילכיקע געשרייען פֿון פֿרייד און באַגייסטערונג. דוכט זיך מיר, אַז אַ מאַמען צי אַ שוועסטער, וואָלט מען נישט

אַרויסגעוויזן אַזוי פיל נאַענטקייט, נאָך אַזאַ צעשיידונג. דער עיקר — די קינדער האָבן נאָר געוואָלט וויסן וועגן ישראל, וועגן קיבוץ, קלימאַט, אַרבעט, די מענטשן. זיסעלע האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענטפערן אויף איין פראַגע — און באַלד האָבן געפאָלגט נאָך און נאָך שאלות.

אין איין צימער האָב איך באַמערקט אַ וואַנט־צייטונג — האָט זיך דאָרט נישט געפונען קיין איין בילד און וואָרט פון דער אַרגענטינער לאַנדשאַפט. אַלץ — דאָס געשריבענע און געדרוקטע וואָרט, די צייכענונגען און בילדער — געהערן צו ישראל. און אויב די „העבראַיקאַ" און אירע מיטגלידער זענען אַזוי איבערגענומען מיט דער יידישער מדינה, הייסט עס, אַז אויסער ספּאָרט, שפּילערייען און אַנדערע פאַרגעניגנס, שטעלט צו די דאָזיקע אינסטיטוציע אויך אַ סך ליבשאַפט צו אונדזער לאַנד.

## יידיש — אַ ביסעלע

מיטן רוב קינדער לאָזט זיך אויסטענהן אין העברעיש. „וואָס איז מכוח יידיש?" — פרעג איך. „אַ ביסעלע" — ענטפערט מיר אַ 12־יאָריק מיידעלע. ס'האָט נישט קיין זין צו פאַרפירן מיט איר אַ שמועס, הלמאי עברית — אַ סך, און יידיש — אַ ביסעלע. מיר דערמאָנט זיך דער ווײ־געשריי וועלכן ס'האָט אין אויגוסט 1973 אַרויסגעלאָזט דער קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור אין אַרגענטינע (קולטור־קאָנגרעס, ייוו"אָ, שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג", יידישער אַקטיאָרן־פאַראיין אאנ"ד) — „אַלאַרמירנדיקע אויסיידישונג פונעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע". ווערט דאָרט געזאָגט צוו. אַנד.:

> וויטיק און אומרו נעמט אונדז אַרום, ווען מיר מאַכן איצט דעם סך הכל: פון די עטלעכע און פופציק יידיש־העברעישע שולן זענען געבליבן בלויז געציילטע, ווו מען לערנט נאָך יידיש אין אַ שטאַרק רעדוצירטער פאָרם. 85—90 פּראָצענט יידישע קינדער באַקומען בכלל נישט קיין שום יידישע דערציִונג, און עס קומט אַ דור אשר לא ידע את יוסף. די דאָזיקע יוגנט איז לחלוטין פאַרלוירן פאַר אונדזער יידיש לעבן.
>
> נישטאָ כמעט שוין קיין אינסטיטוציע פון וואַנען עס זאָל אַרויסגיין אַ יידישער בריוו. אין אונדזערע אינסטיטוציעס זיצן באַאַמטע, וואָס פאַרשטייען קיין יידיש נישט, איינגעשלאָסן אונדזערע קרוין־אינסטיטוציעס. אַפילו די היגע יידישע לערער־אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרמאָגט ביי די 1.000 מיטגלידער, די דערציער פון נייעם דור יידן!

די שולד פאַר דער געשאַפענער לאַגע ווערט אין דערמאָנטן אויפרוף אַרויפגעוואָרפן, הגם אין אַן אומגלייכער מאָס, אויף דער אַרטיקער קהילה און אויף דער יידישער אַגענץ, באַזונדערס אויף איר חינוך־דערפּאַרטאַמענט אין ירושלים, מיט וועלכן עס פירט אַן דער געניטער פּעדאַגאָג, יידישיסט און געזעלשאַפטלעכער טוער חיים פּינקעלעשטיין.

וויל איך נישט איצט אַריינלאָזן זיך אין אַ פרישן וויכוח וועגן דעם, נאָר אַז כ'האָב צופעליק געזען אַ קבלה אויף אַ באַצאָלטן אַנאָנס אין דער איינציקער בוענאָס־אײַרעסער יידישער טאָג־צייטונג „די פּרעסע", אויסגעשטעלט על טהרת שפּאַניש — האָט מיר אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן. שוין־זשע איז שווער געוואָרן אַפּצודרוקן כאָטש איין שורה אין יידיש, די עצם „פירמע" — „די פּרעסע"?

מוז איך דעריבער איבערחזרן אַן אַלטע פאָרמולע, וואָס אין איר ריכטיקייט האָב איך זיך איבערצייגט בעתן איצטיקן באַזוך אין זיבן לענדער, אַז אויפהאַלטן יידיש, איז פאַר אַלעמען אַן אויפגאַבע פון אַרטיקן ישוב, פונעם כלל, ווי דעם פּרט.

נאָר אין אַרגענטינע איז נישט בלויז יידיש לשון אין אַ צושטאַנד פון ירידה. אויך אין אַלגעמיין־פּאָליטישן לעבן פון לאַנד איז די יידישע השפעה אַן אומבאַדייטנדיקע. נישטאָ אין בוענאָס־אײַרעס אַ יידישע „לאָבי" (קולואַרן) ווי אין וואַשינגטאָן, וואָס זאָל זיין מסוגל אויסצואיבן אַן ערנסטן דרוק אויף דער רעגירונג, צי אויף דער פּרעזידענטין.

(י"ש ת"א, 24.9.75)

# אַ גוטער און שלעכטער ביישפּיל

ווען אַרגענטינע און באַזונדערס וועגן דער יידישער בוענאָס־איירעס, איז נאָך דאָ צו שרייבן אַ וועלט. נאָר וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, איז אַזאַ גאַסט אויף אַ ווייל, ווי אני הקטן, מסוגל נאָך צוצוגעבן צו דער היינט באַוווסטער, שווערער, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין יענעם לאַנד? כ׳בין אָבער נישט איינשטימיק מיט דער מיינונג, אַז די יידן אין אַרגענטינע זיצן אויף אַ ווולקאַן. איך מיין, אַז די וואָס דערציילן וועגן דעם אין אויסלאַנד צי אין ישראל, וואָגן נישט דאָס צו זאָגן דאָרט, אויף פּריוואַטע צי אַלגעמיינע יידישע צוזאַמענקונפטן. ווי עס זאָל נישט זיין, האָב איך בעת מיין באַזוך אין בוענאָס־איירעס (מערץ 1975) נישט געפילט ביי אחינו בני ישראל, אַז זיי דערוואַרטן אַ ווולקאַן־אויסברוך מיט אַ לאַוועפּלייץ. כ׳האָב אַפילו נישט געהערט די עכט־יידישע קרעכצן און זיפצן בעתן באַזוך אין רעדאַקציע פון דער איינציקער יידישער טאָג־צייטונג „די פּרעסע” און פונעם געשפּרעך מיטן רעדאַקטאָר משה קויפמאַן; כ׳האָב נישט געהערט קיין קלאָג־רייד אויף די גוט באַזוכטע עפנטלעכע אויפטריטן מיינע אינעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, אינעם קולטור־קאָנגרעס, צי אויפן רעפעראַט אין דער קהילה, וואָס האָט צוגעצויגן אַן עולם פון אַ 600 יידן. טיילמאָל האָב איך גאָר אַרויסגעפילט פון געוויסע מיטשמועסערס מיינע, אַז דאָס זענען זיי באַזאָרגט מיט מדינת ישראל, אירע איינוווינערס און אַוודאי מיט אַזאַ ייד ווי איך, וואָס קום דאָך פונעם ריכטיקן ווולקאַן־לאַנד...

וועל איך די רייזע־פאַרצייכענונגען פון אַרגענטינע פאַרענדיקן מיט צוויי באַלערנדיקע געשיכטעס: איינע — פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, און די צווייטע — פון אַ... ציוניסטישן מנהיג. נאָר אויב דער ענין לאַנדסמאַנשאַפט איז יוצא־דופנדיק אין אַלע הינזיכטן, אין די מעשה מיט יענעם מנהיג שוין גאָר נישט אַזאַ אויסנאַם.

☆

איר האָט געהערט פון אַ שטעטל כמיעלניק, קעלצער וואָיעוואָדסטווע, וואָס האָט אין פּוילן ערב דעם חורבן געציילט קנאַפּע זעקס טויזנט יידן? אַלזאָ, פאַראַן אין בוענאָס־איירעס אַ כמיעלניקער לאַנדסמאַנשאַפט מיט עטלעכע מעלות טובות, וועלכע אויך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וואָלטן זיך געמעגט צואייגענען. אַוודאי איז נישט קיין איבעראַשנדיקע נייעס, אַז כמיעלניקער אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע פאַרמאָגן אַן אייגענעם, פיין איינגעאָרדענטן זאַל מיט אַ ביבליאָטעק און אַנדערע איינריכטונגען. דאַקעגן איז עס אַ שטיקל סענסאַציע, וואָס די אייגענע קאָאָפּעראַטיווע באַנק, וועלכע זיי האָבן אויפגעשטעלט מיט עטלעכע יאָר צוריק, פונקציאָנירט אָן דעפיציטן, אָן באַנקראָטן, אָן פאַרשווענדונגען. ווייל איר דאַרפט וויסן זיין, אַז דער מאָראַלישער און געזעלשאַפטלעכער קריזיס אין אַרגענטינער יידנטום האָט מיט אַ צייט צוריק זיך אָנגעהויבן צוליב די פינאַנסיעלע מאַניפּולאַציעס פון געוויסע טוערס אין די קאָאָפּעראַטיוון. אַ סך פון די אינסטיטוציעס האָבן זיך פאַרמאַכט, פיל יידן זענען געבליבן אָן זייערע אָפּשפּאָרונגען, נאָר מיט אַ סך ביטערניש און פאַרצווייפלונג. אמת, קיין איין עסקן פון אַזאַ באַנק האָט נישט געהאַט קיין פּראָצעס, דוכט זיך, אַז מ׳האָט אַפילו נישט פאַרפירט קעגן אים קיין געוויינלעכע פּאָליציייִשע אויספאָרשונג. בלויז די געליטענע און סתם רכילותניקעס פלעגן אויף אַזאַ צעטרענצלער פון קהלישע געלטער אָנווייזן אין גאַס און שטילערהייט אים באַריידן, אַז ער האָט באַגראָבן דעם אָדער יענעם קאָאָפּעראַטיוו. נאָר אַלץ איז געבליבן ביים שושקען זיך, קיינער איז נישט געגאַנגען זיצן אין תפיסה, הגם די צאָל געקראַכטע בענק איז געווען אַ נישקשהדיקע.

צו די געציילטע קרעדיט־אינסטיטוציעס וואָס האָבן אויסגעהאַלטן ס׳יידישקייט און אָרנטלעכקייט, געהערט טאַקע די כמיעלניקער באַנק. זי איז אָפן עטלעכע מאָל אין וואָך, נאָר אין

די אָונטן. איך בין גראָד געווען דאָרט אין די נאַכט־שעהן און געזען ווי לאַנדסלייט קומען גערן אָפּצאָלן אַ ראַטע, צי בעטן אַ הלוואה, אָדער סתם כאַפּן אַ שמועס מיט יידן פון דער אַלטער היים. זיי האָבן מיר פאַרגעשטעלט דעם בילאַנס, סיי אין ריווח, סיי אין גוטן נאָמען — און ס'איז געווען מיט וואָס מקנא צו זיין די דאָזיקע יידן, וואָס דער ענין לאַנדסמאַנשאַפט איז ביי זיי נישט בלויז וויינען און קלאָגן אויפן חורבן, איינאָרדענען די יערלעכע טרויער־אַקטן, צי באַגנוגענען זיך מיטן אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך — נאָר טאָקע אויך זאָרגן פאַרן לעבן געבליבענעם בן־עיר, אים העלפן מאַטעריעל, מאָראַליש און פאַר אַלעמען — שטיצן ישראל.

נאָר כמיעלניק איז אויך אַן אויסנאַם אויף אַ גאָר אַנדערן געביט. שטעלט אייך פאָר, אַז פאַרזיצער (אין זייער שפּראַך — פּרעזידענט) פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין בוענאָס־איירעס איז שוין נישט דער געוועזענער ראש הקהל פון דער אַלטער היים, צי סתם אַן עסקן — נאָר בפירוש אַ יונגערמאַן, געבוירן אין אַרגענטינע, נאָר פון כמיעלניקער טאַטע־מאַמע, וואָס לעבן אין בוענאָס־איירעס. דעם יונגן פּרעזידענט קומט אַפילו אָן גאַנץ שווער צו ריידן יידיש, פון דעסטוועגן איז ער בלב ובנפש איבערגעגעבן אַזאַ מין, כלומרשט אַנאַכראָניסטיש באַשעפעניש, וואָס רופט זיך לאַנדסמאַנשאַפט. ער, דער צווייטער דור, וואָס האָט נישט געזען פאַר זיינע אויגן כמיעלניק, איז אַ טרייער יורש פונעם עבר, פונעם פאַרשניטענעם שטעטל, פון אירע קדושים. איך ווייס ווענן דער עקזיסטענץ פון צענדליקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין בוענאָס־איירעס און אין תל־אביב, אין ניו־יאָרק און אין פּאַריז, נאָר איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז אַ קינד פון יענע עלטערן זאָל אויף זיך פרייוויליק נעמען דעם עול פון אַ יורש, פון איינעם וואָס וויל ממשיך זיין.

ווו נעמט מען נאָך אַזעלכע יוגנטלעכע, וואָס וואָלטן באַדאַרפט דינען ווי אַ גוטער בישפּיל פאַר אַנדערע?

✡

און איצט — אַ מעשה מיט אַ ייד, וואָס צום באַדויערן, האָט ער שוין יאָ זיינס גלייכן אין אַ באַדייטנדיקער צאָל. לאָמיר אים אָנרופן בערל. דער נאָמען איז אַ צוגעטראַכטער, נאָר די עצם געשטאַלט — אַן אמתדיקע. ער שטאַמט נישט פון כמיעלניק, נאָר פון אַ גרעסערער שטאָט. היינט וווינט ער אין בוענאָס־איירעס. אויב איך אידענטיפיציר אים נישט, וועט ער אַוודאי ביים לייענען די דאָזיקע שורות — אַליין זיך דערקענען. ער וועט זיך פאַרשעמען? איך צווייפל, ווייל ער האָט שוין פון לאַנג זיך אויסגעטאָן פון יעטוועדער בושה. נאָר אפשר וועט עס זיין אַ מוסר־השכל פאַר אַנדערע. ווער ווייסט?

די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט בערלען האָב איך געשלאָסן אין באַפרייטן פוילן, אין יאָר 1945, נאָכן גרויסן חורבן, ווען די פאַריתומטע און דערשלאָגענע שארית הפליטה האָט גענומען צוריק אויפשטעלן די פאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון פאַר דער מלחמה. מיר טרעפן זיך אין צענטראַל־קאָמיטעט פון לינקע פּועלי־ציון אין וואַרשע. בערל האָט טענות צו דער פּאַרטיי, הלמאי זי טוט ווייניק אויפן געביט פון עליה, זי נוצט נישט אויס אין אַ גענוגנדיקער מאָס די „בריחה" אויף אַרויסצופירן פון פוילן וואָס מערער יידן. איך פּרוביר אים אויפווייזן, אַז זיינע אינפאָרמאַציעס זענען נישט קיין פולע און נעמענדיק ערנסט זיין ציוניסטישע התלהבות און זאָרג פאַר עליה, פרעג איך אים:

— אויב דו ווילסט עולה זיין, לאָזט זיך דאָס דערליידיקן אין אַ קורצער צייט. ביסט דאָך עפּעס אַ פאָרדינסטפולער פּאַרטיי־חבר, אַ וועטעראַן — און פאַר אַזעלכע זענען פאַראַן באַקוועמערע וועגן אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל.

בערל ענטפערט, אַז ער מוז נאָך אָפּוואַרטן מיט זיין עליה, ער האַלט זיך אָבער ביי זיינס, אַז די פּאַרטיי דאַרף מערער זאָרגן פאַרן אַרויספאָר פון חברים פון פוילן.

מיט אַ צייט שפּעטער, אין יאָר 1947, אויף אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין לאָדזש, טרעט בערל אַרויס מיט אַ פלאַם־פייערדיקער רעדע וועגן עליה, ציוניזם, אַנטי־בריטישן קאַמף אין ארץ־ישראל. נאָך דעם אַרויסטריט פרעג איך אים ווידער, אונטער פיר אויגן, צי ס׳איז ריכטיק די ידיעה, אַז ער קלייבט זיך צו פאָרן קיין דייטשלאַנד, כדי פון דאָרט עולה צו זיין, ווייל די פּאַרטיי קאָן אים פאַרשפּאָרן דעם אויפהאַלט אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד, וואָס איז דורכגעווייקט מיט יידיש בלוט און אים דערמעגלעכן די עליה דורך פראַנקרייך. איך באַקום פון אים אַן אומקלאָרן ענטפער — און אין אַ חודש אַרום דערוויס איך זיך, אַז ער האָט זיך באַזעצט אין אַ די־פּי לאַגער אין אַדענאַוערס מדינה, ווו ר׳איז שטאַרק אַנגאַזשירט אין מאַכן געלט פאַר זיך און אין שיקן אַנדערע קיין ארץ־ישראל.

אַ קורצע צייט פאַרן פּראָקלאַמירן די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, ווען פאַרן לאַנד איז געווען אַזוי וויכטיק יעדער עולה און יעדער קעמפער, האָט דער „פאַרברענטער ציוניסט" עמיגרירט קיין אַרגענטינע. נו, אַז מ׳האָט געמאַכט געלט אין דייטשלאַנד, איז שוין נישט אַזוי שווער צו ווערן אַן אויפגעקומענער גביר אין בוענאָס־איירעס. אין אַזאַ פאַל דערגרייכט מען אי אַ מעמד, אי כבוד. ער ווערט אַן אָנגעזעענער מנהיג ביי די אָרטיקע ציוניסטן, פאָרט פון צייט צו צייט קיין ירושלים ווי אַ דעלעגאַט, דריקט אַמאָל די האַנט פון ישראל־פּרעמיער צי פון אַ מיניסטער, איז אַ גאַנצער פאַן בראַט מיט די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. אַזאַ גאַסט וויזט מען קיבוצים, מושבים, איינהייטן פון צה״ל, עולים־צענטערס און אַנדערע אָביעקטן, מיט וועלכע אונדזער מדינה גרויסט זיך. ר׳ בערל שמעלצט זיך פון נחת, ווער ווייסט צי בשעת מעשה באַפאַלט אים נישט אַ מחשבה, צי דאָס אַלץ איז נישט אַמאָל אויפגעבויט געוואָרן אין זכות פון זיין פרעדיקן ציוניזם און פון זיינע שפּענדונגען (וואָס זענען נישט, אגב, אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו זיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן).

אָן שום ספק, אַז אַזאַ ייד האָט זיך זיינע „אַקציעס" אין דער יידישער מדינה און כ׳האָב נישט בדעה צו פאַרמינערן זיינע פאַרדינסטן, צי דעם נוצן פאַרן לאַנד. נאָר וואָס שייך בערלען, האָב איך אין בוענאָס־איירעס געהאַט מיט אים נאָך אַ דערפאַרונג, וואָס האָט מיך טאַקע אָנגערעגט אַרויפצוברענגען אויפן פּאַפּיר דאָס דאָזיקע געשטאַלט, ווי אַ טיפּ אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אונדזער אַ בשותפותדיקער פריינד האָט מיר דערציילט, אַז בערל טראָגט זיך אַרום מיט צוויי „פאַרדרוסן": ערשטנס, אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט מען אים נישט אויסגעקליבן ווי אַ דעלעגאַט. צווייטנס, ער קאָן מיר נישט מוחל זיין, פאַרוואָס כ׳בין פון לינקע פּועלי־ציון אַוועק אין מפּ״ם און נישט מיטגעגאַנגען זיין וועג, צו מפּא״י. האָט עס מיך אַריינגעטריבן אין אַן אַמביציע צו טרעפן זיך מיט דעם חברהמאַן און אים פשוט דערקלערן, אַז אויב גיין זיין וועג, וואָלט איך איצט געוווינט אין בוענאָס־איירעס, און נישט אין רמת־גן... נאָר דעם אמת געזאָגט, האָט זיך דאָך געוואָלט זען מיט אַן אַלטן חבר, פרעגן אים מכוח געזונט, פּרנסה, נחת פון די קינדער. מעגלעך, אַז כ׳וואָלט אים דערביי „פאַרטשעפּעט" וועגן זיין עליה און אפשר אויך געזוכט ביי אים „רעהאַביליטאַציע" צוליבן מיטגיין מיט מפּ״ם...

האָב איך נישט געוואַרט ביז ער וועט מיך אויפזוכן, הגם ס׳איז פאַר אים געווען איינס פון די לייכטסטע זאַכן — און אַליין טעלעפאָנירט. איך באַקום אַן ענטפער, אַז זונטיק, ווען זיין גרויס געשעפט איז געשלאָסן, קומט ער מיך באַזוכן. איר האָט אים געזען יענעם זונטיק? איך אויך נישט. ער האָט אַפילו נישט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרענטפערן זיך, הלמאי ר׳האָט זיך נישט צוגעשטעלט צום צוזאַמענטרעף. פון דעסטוועגן בין איך נישט נתפעל געוואָרן און אַ צווייט מאָל טעלעפאָנירט, ווידער באַשטימט אַן אָוונט — והילד איננו. אָן אַ פאַרענטפער, אָן אַ אויפקלערונג. וואָסי? ער איז מחוייב צו האַלטן וואָרט?

וועט איר אַוודאי פרעגן: וואָס־זשע זוך איך ביי אַזאַ ייד? ציוניזם צום פאַרווירקלעכן, אָדער עלעמענטאַרע העפלעכקייט? דאָס לעצטע בין איך אים מוחל פון גאַנצן האַרצן, נאָר

װעגן דעם ערשטן — איז בפירוש אַ װײטיק און בזיון. װײל בערל איז נישט קײן פֿאַר־אײנצלטע דערשײנונג אין אַרגענטינע. אין יענעם לאַנד, װי אין אַנדערע תּפֿוצות, דרײען זיך אַרום אַזעלכע געשװױרענע אָנהענגערס פֿון טעאָדאָר הערצל און בער באָראָכאָװ, װאָס האָבן נישט נאָר פֿאַרביטן די עליה קײן ארץ־ישׂראל אױף אימיגראַציע אין אַ גלות־לאַנד, נאָר זײ זענען אױך טיף איבערצײגט, אַז ישׂראל איז אַן ענין פֿאַרן אײנװױנער פֿון חיפֿה און תּל־אָבֿיבֿ, פֿון ירושלים און צפֿת, פֿון באר־שבֿע און רעננה, פֿון יד מרדכי און קרית שמונה — אָבער נישט פֿאַר אים און פֿאַר זײנס גלײכן. פֿאַרשטײט זיך, אַז בערל איז אױך גרײט צו דעמאָנסטרירן פֿאַר אַרױסלאָזן די ײדן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון סיריע...

צום באַדױערן, װײזן נישט אַרױס די באַרופֿענע ציוניסטישע אינסטאַנצן — אין ירושלים װי אױף די ערטער — דעם געהעריקן דרוק, השפּעה, אױפֿקלערונג און אַפֿילו בלױז אָנצו־געהערישן פֿאַר אַזעלכע ײדן.

מעגלעך, אַז כ׳װאָלט נישט דערמאָנט דעם פֿאַל בערל, װײל נישט אײנמאָל איז מיר שױן אױסגעקומען װעגן דעם צו שרײבן. נאָר די טעג האָב איך אין תּל־אָבֿיבֿ געטראָפֿן אַן עולה פֿון אַרגענטינע װאָס איז שױן 3 יאָר אין לאַנד און ער גרײט זיך צו פֿאַרלאָזן און צוריק פֿאָרן אַהין. אױף מײן פֿראַגע, װי איז דאָס מעגלעך, אַז גראָד ער זאָל מאַכן אַזאַ שריט, װען אַלע שרײען און שרײבן, אַז דאָרט איז אַ װולקאַן — איז געקומען אַן ענטפֿער:

— אױב בערל זיצט נאָך דאָרט אַזױ פֿיל יאָרן און קײנער זאָגט אים גאָרנישט, מעג איך אַװדאי צוריק פֿאָרן. נישקשה, די אָרטיקע ציוניסטן װעלן מיך נישט לײגן אין חרם. פֿאַרקערט, עס װעט פֿאַר זײ נאָך זײן אַ געװיסע באַרעכטיקונג און פֿאַרענטפֿער, הלמאי זײ זיצן נאָך דאָרט, אױפֿן װולקאַן...

אָן שום ספֿק, אַז דער פֿאַל בערל דינט װי אַ שלעכטער בײשפּיל!

(י״ש ת״א, 8.10.75)

## ירושלים איז נישט בראַזיליאַ

אַט ביסטו אָנגעקומען אין נאָך אײנער פֿון די ײדישע תּפֿוצות — בראַזיל. מ׳קאָן פֿרעגן: װאָס עפּעס תּפֿוצה, און נישט גלות? װײל כ׳האָב געהערט, אַז ײדן איז אױסלאַנד זענען זײער עמפּינדלעך אױף דעם פּונקט. גלות, לױט זײער מײנונג, באַטײט עפּעס אַזױנס, װאָס איז אַבסאָלוט נעגאַטיװ, דאָרט װוּ ײדן האָבן אױסצושטײן צרות, אַהין האָט מען פֿאַרטריבן און מ׳װערט גערודפֿט. מיט אײן װאָרט: מ׳איז אין גלות... דאַקעגן תּפֿוצה איז די געװײנלעכע ײדישע צעשפּרײטונג, דאָרט האָט מען זיך פֿײן אײנגעאָרדנט, מ׳לעבט אַפֿילו אַ גוטן טאָג. װי זאָגט אַ ײד אַן אַלרײטניק: „בײ אונדז אין אַמעריקע״; „בײ אונדז אין בראַזיל״ אדג״ל. װעלן מיר איצט צורו לאָזן די טערמינאָלאָגיע און אױך גלות בראַזיל אָנרופֿן תּפֿוצה. מילא, זאָל די ײדן דאָרט װױל באַקומען, בפֿרט, אַז אין די 8 טעג פֿון מײן באַזוך אין יענעם לאַנד, האָב איך געהאַט צו טאָן מיט בלױז װױלע ײדן.

.1

די ערשטע עמיגראַציע־כװאַליע פֿון פּאָרטוגאַל אין 16־טן יאָרהונדערט, האָט געבראַכט מיט זיך אױך ײדן, װאָס דער רובֿ פֿון זײ זענען געװען אנוסים. אין 17־טן יאָרהונדערט האָבן אַרײנגעװאַנדערט קײן בראַזיל אױך ײדן פֿון האָלאַנד. אָבער די גרױסע אימיגראַציע אין יענעם לאַנד האָט זיך אָנגעהױבן סוף פֿאַריקן און אָנהײב איצטיקן יאָרהונדערט, נאָך די פּאָגראָמען און רדיפֿות אין צאַרישן רוסלאַנד.

איצט װױנען אין דעם ריזיקן, קאַטױלישן לאַנד, דאָס גרעסטע לױטן שטח אױפֿן דרום־

אמעריקאנער קאנטינענט און דאס פערטע אין דער וועלט, נאך דעם ראטנפארבאנד, כינע און קאנאדע — א 160.000 יידן. אויך בראזיל איז א מין קיבוץ גלויות: 62% — פון אייראָ־פעישער אפשטאמונג, דער עיקר פון פארטוגאל און שפאניע; 24% — מישלינגען (מעטיסן און מולאטן); 11% — נעגערס; 2% — אינדיאנערס. צו דעם אלעמען דארף מען נאך צוגעבן די זייער אנגעזעענע קאלאניע פון אראבער, וואס זענען אין די לעצטע יארן געווארן א וויכטי־קער פאקטאר צו פארשפרייטן אנטיסעמיטיזם און צו פינאנסירן אנטי־ישראלדיקע פראפא־גאנדע. היינט שטעלט זיך פאר, אז אויף די עטלעכע ניינציק מיליאן איינוווינערס, וויפל מ׳שטיינס געזאגט מאכט שוין אויס דער „יידישער פראצענט" פון די דערמאנטע 160 טויזנט? אין די צוויי גרעסטע שטעט זעט מען זיך יא עטוואס אן, ווייל דארטן איז קאנצענטרירט די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג: אין סאן־פאולא — א 75 טויזנט, אין ריא־דע־זשאנעירא — א 60 טויזנט.

מיין ערשטע סטאציע אין דעם דאזיקן האלב עקזאטישן, האלב מאדערניזירטן, נאר פול מיט סתירות לאנד, איז סאן־פאולא. מיט הונדערט יאר צוריק איז די איצטיקע מעטראפאליע מיט אירע 8—9 מיליאן איינוווינערס, געווען א שטעטל מיט א באפעלקערונג פון א צען טויזנט. נאך מיט א 20 יאר צוריק, האב איך ערגעץ־ווו געלייענט, אז אין סאן־פאולא ווערט יעדע שעה אויסגעענדיקט א געביידע. אויך איצט ווארפט זיך אין די אויגן דער געוואלטיקער בוי־טעמפא אין שטאט: וואלקנקראצערס און הייזער־בלאקן, עפנטלעכע בנינים און אמטן.

אין ישראל איז מען נישט געוווינט (און אויך נישט איינגעשטעלט) אזוי מקבל־פנים צו זיין געסט פון אויסלאנד, ווי יידן אין דער וועלט טוען דאס כלפי געסט פון ישראל. מיך האט אפגעווארט א זייער בכבודיקע דעלעגאציע: ראובן ראסעט, מינדל און לאזער גאלדבוים און מאיר כהן — פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט; אורון מאנדעל — פון מפ״ם; דזשייקאב אוזופאטא — פון ייוו״א; דוד סגי־נהור — פון דער געזעלשאפט פריינד פון יידישן טעאטער. די אלע פריינד אינפארמירן וועגן א גאנצן פלאן פאר מיינע אויפטריטן אין שטאט, נאר זיי גיבן באלד צו מיט א זיפץ: „ס׳איז פסח און אין אזעלכע טעג איז שווער צונויפצוברענגען אן עולם אויף אונטערנעמונגען". דער דאזיקער פעסימיזם האט זיך אבער נישט באשטעטיקט.

.2

א 20% יידישע קינדער געניסן פון יידישן חינוך. און וואס איז מיט די פארבליבענע 80%? נישקשה, זיי וואקסן נישט, חלילה, קיין אנאלפאבעטן. פארקערט, זיי קומען אן, כמעט אלע, אין די הויכשולן — אבער דערפאר וואקסן זיי... גויים, ווי אונדזערע מאמעס פלעגן זיך אויסדריקן. די צאל געמישטע חתונות אין בראזיל דערגרייכט א 40%, הגם קיין גענויע סטא־טיסטיק איז נישט פאראן. נאר וואס פארא באדייטונג האבן דען עטלעכע פראצענטער ווייני־קער, צי מערער?

אין אנהייב פון די זעכציקער יארן האבן נאך עקזיסטירט אין בראזיל 30 אינטעגראלע שולן, ווו יידיש און העברעיש האבן געהערט צו די וויכטיקסטע קעגנשטאנדן. איצט זענען געבליבן נישט מער ווי צוויי יידישע שולן אין סאן־פאולא און ריא, אבער אן א טראפן יידיש און מיט א ביסעלע העברעיש. כמעט אלץ ווערט געלערנט אין די פיר שולן אין פארטוגעזיש, אפילו... יידישקייט.

די אלע פאקטן און ציפערן זענען מיר באקאנט געווארן באלד אין די ערשטע טעג פון מיין באזוך אין בראזיל און געדינט ווי אן אויסגעצייכנטער אינטערמעצא צו מיין רעפעראט אין דער „העבראיקא", אויף דער טעמע „יידיש און עברית אין מדינת ישראל", צו וועלכן ס׳איז געקומען, אין א רעגנדיקן טאג, אן עולם פון א 350 יידן. ס׳איז דאך ניט שווער צו פארשטיין, אז אויב 4/5 יידישע קינדער זענען אויסער דעם תחום פון נאציאנאלער דערציונג —

און די שולד דערפאַר טראָגן די עלטערן גופא — מוז יידיש לעבן אָנהייבן צו וועגעטירן, מוז די אַסימילאַציע אַרויסשטויסן יידישקייט.

די אַרטיקע מנהיגים קלאָגן זיך, אַז עס פעלן אויס יונגע עסקנים אויף אָנצופירן מיט יידיש לעבן. אין בראַזיל ווירקט אַ צענטראַלע יידישע רעפּרעזענטאַנץ, וועלכע נעמט אַרום אַלע פעדעראַציעס פון די לאָקאַלע יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. צום באַדויערן, איז אַ גרויסער טייל פון די קערפּערשאַפטן גיכער אַ שילד אָדער אַן אָרט פאַר ערן־אַמטן, איידער שעפערישע, אַקטיווע געזעלשאַפטן, וואָס זאָלן אַריינציען יונגע כוחות.

.3

50% פון דער וועלט־פּראָדוקציע פון קאַווע, געהערט בראַזיל. און פון קאַקאַאָ — 15%. נאָר איך שטעל זיך פאַר, אַז צו די צוויי אַגראַר־אַרטיקלען, האָבן יידן דעם קלענסטן שיכות. סיידן — ווי קאָנסומענטן! דאַקעגן זענען יידן אָנגעזען אין דער גרויס־אינדוסטריע, ווי פאַבריקאַנטן, אין האַנטווערק, מסחר, פּאַרמיטלונג, קליין־אינדוסטריע. אַן אָנגעזעענע צאָל באַלאַנגט צו דער אינטעליגענץ, מיט אַקאַדעמישע אַטעסטאַטן און צום „ווייסן־קאָלנער פּראָלעטאַריאַט". הויזירעריי (פּעדלעריי) איז שוין נישט מער קיין יידישע באַשעפטיקונג, אַפילו פאַר פּריש געקומענע, אַריינגערעכנט די „יורדים" פון ישראל. (אויך אין דעם לאַנד זענען זיי בנמצא).

איך מאַך אַ שפּאַציר אין דער יידישער געגנט פון סאַן־פּאַולאָ — דעם האַנדלס־צענטער און דעם קליין־אינדוסטריע־ראַיאָן: אַ קאָפּיע פון די וואַרשעווער נאַלעווקעס און פון יידישע קוואַרטאַלן פון מסחר און מלאכה אין שטעט און שטעטלעך פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן. ממש איבערגעטראָגן יענע קראָמען און וואַרשטאַטן אויפן בראַזיליאַנער באָדן. אויך די שפּראַך, יידיש, די זעלבע וואָס דאָרטן. דער הולך, די ענגשאַפט, דער טומל — אַ קאָפּיע פונעם נעכטן וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. אין סאַן־פּאַולאָ איז ער אָבער אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

אין די געשעפטן זעסטו אַ סך ישראלדיקע אַרטיקלען. „תוצרת הארץ" — זאָגט מיר מיט הנאה איינער פון די סוחרים. אויך איך האָב הנאה, וואָס יידן אין גלות (אַנטשולדיקט — תפוצה!) קוויקן זיך מיט דער פּראָדוקציע פון דער יידישער מדינה, וואָס איז אויך אַ רינגעלע אין דער קייט פון פאַרבינדונג, אידענטיפיצירונג, סאָלידאַריטעט און ליבשאַפט צו מדינת ישראל.

.4

דער גוטער מורה־דרך אורון מאַנדעל ווייסט וואָס צו ווייזן אין סאַן־פּאַולאָ אַ גאַסט פון ישראל. צום ערשט פירט ער מיך אַוועק אין דער שטאָט פון אוניווערסיטעטן: אַ ריזיקער שטח, מיט צענדליקער בנינים, וואָס אַ טייל פון זיי זענען נאָך נישט אויסגעענדיקט. גראָזפּלאַנטן, בלומען, אַספאַלט־וועגן און טראָטואַרן. אומעטום זעסטו סטודענטן און סטודענטינס. נישט אַנדערש, בראַזיל מיינט ערנסט מיט הויכבילדונג.

ביים אַריינפאָר אין דער טעריטאָריע פון דער אוניווערסיטעטן־שטאָט דערזעסטו, אַז דער ערשטער, גרויסער בנין געהערט צו דער... פּאָליציי־אַקאַדעמיע. אין אַזאַ פאַל פרעגסטו זיך אַליין: דאַרף דאָס סימבאָליזירן דעם הערשנדיקן רעזשים, אָדער איז טאַקע געווען נייטיק אַוועקצוגעבן די געביידע נומער איינס פאַר פּאָליציייאישע צוועקן, גראַד אין דער שטאָט פון קאָלעדזשס?! אינטערעסאַנט, אַז יידן אין בראַזיל, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן, זענען נישט גרייט צו ריידן וועגן דער פּאָליטישער לאַגע ביי זיך אין לאַנד, אָבער נישט איינער פון זיי איז ביי דער מיינונג, אַז בעצם וואָלט די ישראל־רעגירונג באַדאַרפט זיך פירן מיט די אַראַבישע טעראָריסטן, ווי די בראַזילישע געהיים־פּאָליציי איז זיך נוהג מטפל צו זיין מיט געוויסע לינקע עלעמענטן. איך דאַנק זיי פאַר דער גוטער עצה און פּרוביר געבן צו פאַרשטיין,

אַז ירושלים איז פּאַרט נישט... בראַזיליאַ, דער נאָמען פון דער נייער הויפּטשטאָט פון דעם ריזיקן לאַנד — און טאָקע אויפן ביישפּיל פון די צוויי הויפּטשטעט, פון ישראל און בראַזיל, דערקלער איך מיינע מיטשמועסערס, אַז דער בראַזיליאַנער מעטאָד איז נישט טויגבאַר פאַר ישראל.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען די בראַזיליאַנישע רעגירונג האָט פּלאַנירט די נייע רעזי־דענץ אירע, האָט די גאַנצע וועלט געררעדט מיט ליב און אַנערקענונג וועגן אַ שטאָט וואָס האָט דערוויל זיך געפונען אויפן... פּאַפּיר. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט צו רימען די אַרכיטעקטור, די פּלאַנירונג און די עצם קאָנצעפּציע פון אויפבויען אַ נייע הויפּטשטאָט, הגם ס׳איז נישט צו פאַרזינדיקן מיט ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, צי סאַן־פּאַולאָ. דער עיקר — קיינער האָט נישט געצווייפלט, אַז בראַזיליא וועט זיין די לעגיטימע, אַנערקענטע הויפּטשטאָט. דאַקעגן נעמט אַזאַ ירושלים, מיט איר העכער 3 טויזנט יאָריקער געשיכטע, איז זי נאָך אַלץ נישט אַנערקענט דורך די גרויסמאַכטן און קליינע מדינות, ווי די הויפּטשטאָט פון דער יידישער מדינה. אַפילו אַזאַ פריינטלעכע צו ישראל מדינה, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט בשום אופן נישט איבערטראָגן אירע דיפּלאָמאַטישע פּלאַצוווקעס פון תל־אביב קיין ירושלים. וועגן די רעכט פון מדינת ישראל אויף ירושלים ווי אירס אַ הויפּטשטאָט, צווייפלט נישט נאָר דער פּויפּסט אין וואַטיקאַן, נאָר אַפילו יענע רעגירונגען, וועמענס דיפּלאָמאַטן זענען אַקרעדיטירט ביי דער ישראל־רעגירונג. מיט אַנדערע ווערטער: ירושלים איז נאָך נישט דערגאַנגען צום מעמד פון בראַזיליא און די בראַזילישע „רעצעפּטן״, וועלכע מ׳וויל פאַרשרייבן, אגב מיט די בעסטע כוונות, פאַר דער יידישער מדינה, האָבן אַ ברירה אַרויסצורופן נאָך הארבערע רעאַק־ציעס אין דער וועלט און בלויז צוגיסן בוימל צום אַנטי־ישראלדיקן פייער וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אויך אַ דאַנק דעם אַראַבישן נעפט... (י״ש ת״א, 22.10.75)

## דער „העברעאיקאַ״ קומט אַן אויסצייכענונג

אַ שאָד, וואָס נאָר אויפן געביט פון חינוך, טיילט אויס דער דערציונג־דעפּאַרטאַמענט ביי דער יידישן אַגענץ פּרעמיעס און אויסצייכענונגען פאַר יחידים און לערן־אַנשטאַלטן פאַר זייערע דערגרייכונגען אין די תפוצות. ווייל נאָכן באַקענען זיך מיט דער „העבראיקאַ״ אין סאַן־פּאַולאָ, וואָלט איך געוואונען אַ בעלן פאַרצולייגן נישט נאָר דער סוכנות, נאָר אויך דער ישראל־רעגירונג זי זאָל אָנהייבן געבן אַטעסטאַטן פון אַנערקענונג, צי אַפילו געלט־באַלוינונג פאַר יענע יידישע אינסטיטוציעס אין דער דיאַספּאָראַ, וואָס פלעגן און אַנטוויקלען יידישע בילדונג און דערציונג, שטייגער, טראַדיציע, פאַרוויילונג, ספּאָרט, קולטור און געזעלשאַפט, אויף אַן אָרגאַניזירטן, צילבאַוווסטן און קאָמפּאַקטן אופן — ווי דאָס טוט די דערמאָנטע „העבראיקאַ״. דאָס וואָס די אויגן האָבן געזען און די אויערן האָבן זיך אָנגעהערט פון דער וווּנדערבאַרער אינסטיטוציע, איז מסוגל צו דערקוויקן יידישע הערצער פון די אין בראַזיל און אַוודאי און אַוודאי — פון אַ גאַסט פון ישראל.

פונעם בלויזן אויסרעכענען די אָפּטיילונגען, וועט דער לייענער האָבן אַ בילד פון דער טעטיקייט: קאָמיסיעס צי סעקציעס פאַר בוי, קאָנסערווירונג, איינקויף, אַרענדע, ספּאָרט, פּרויען, געזעלשאַפטלעכע רעלאַציעס, סאָציאַלע טעטיקייט, פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג, פּרעבל־שול, ספּאָרט אָרגאַניזאַציע, פינאַנסן, קאַדערן, פיזיאָטעראַפּיע, יודאַיסטיק און נאָך און נאָך. מיט איין וואָרט — אַ גאַנצע מלוכה, צעטיילט אויף „מיניסטעריומס״, וועלכע דאַרפן באַדינען אַ 23 טויזנט מיטגלידער. אגב, די קאַרטאָטעקע פון דער מיטגלידערשאַפט ווערט געפירט לויט דער נייעסטער טעכניק און... סטאַטיסטיק. פאַראַן דאָרט רעגיסטרירטע קנאַפּע 5.500 פרויען, קנאַפּע 4 טויזנט קינדער ביז 13 יאָר, אַ 2 און אַ האַלבן טויזנט פון 14 ביז 18 יאָר, אַ 3 טויזנט 18־

יעריקע יוגנטלעכע, יחידים — אַנדערטהאַלבן טויזנט, עלטערן פון די מיטגלידער — אַ 700 און... העכער זעקס און אַ האַלבן טויזנט חברים מיט אַקאַדעמישע טיטולן און אַטעסטאַטן. דער דאָזיקער לעצטער ציפער דאַרף באַווייזן, אַז ס'איז אין איר אַנגעשלאָסן אַ באַדייטנדיקע צאָל פון דער געזעלשאַפטלעכער עליטע, יידן מיט הויכבילדונג.

הגם די „העבראַיקאַ" איז אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע לויט דער צאָל מיטגלידער, איז זי אָבער נישט קיין פאָלקס־אָרגאַניזאַציע לויטן... אָפּצאָל. די אָנגעהעריקייט דאָרט קאָסט געלט, אַ סך געלט. און נישט יעדער ייד אין סאַן־פּאַולאָ קאָן זיך דערלויבן אַזאַ לוקסוס.

דער גרויסער בנין און דער שטח אַרום לאָזן באַלד איבער אַ שטאַרקן איינדרוק. און פון די באַקוועמע צימערן אינעווייניק, פון די ליכטיקע און גראַמע זאַלן, פון די נייעסטע איינריכ־טונגען און מכשירים — איז דאָך אָפּגערעדט. שווים־באַסיינען מיט קאַלט און וואַרעם וואַסער, גימנאַסטיק־ און ספּאָרט־זאַלן, טעניס־קאָרטן, רעסטאָראַנען און זאַלן צו שפּילן אין קאָרטן; פאַראַן אויך אַ לייען־זאַל און ביבליאָטעק מיט איבער 2 צענדליק טויזנט ביכער אין יידיש, העברעיש, פּאָרטוגעזיש, שפּאַניש און ענגליש. ליידער, די צאָל יידיש־לייענערס איז די סאַמע קלענסטע אַנטקעגן די וואָס פאָדערן ביכער אין אַנדערע שפּראַכן.

אויך די קולטור־אַרבעט ווערט געפירט מיט פאָרנעם און פאַרמעסט. אַ גרויסער זאַל וואָס נעמט אַריין אַ 500 צוהערערס, ווערט כמעט פאַרפולט יעדן זונטיק פאַרמיטאָג, דער עיקר אַ דאַנק פאַרלעזונגען און לעקציעס אין... יידיש. צו אַזאַ אונטערנעמונג שטעלט צו די „העבראַיקאַ" ספּעציעלע אויטאָבוסן, וועלכע ברענגען דעם עולם פון דער יידישער געגנט. אגב, די קולטור־אַרבעט ווערט אָנגעפירט פון אַן ערנסטן און איבערגעגעבענעם טוער, אַ ייד פון לוצק (וואָלין), וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין „השומר הצעיר" און איז היינט אויך דער סעקרעטאַר פון מפ"ם אין סאַן־פּאַולאָ — אורון מאַנדעל. איר האָט שוין באַדאַרפט זען ווי ער האָט עס דיריגירט מיטן „צווייטן סדר" אין דער „העבראַיקאַ", אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט איבער 400 פּערזאָן.

בעצם, איז „העבראַיקאַ" אַן אינסטיטוציע וואָס איז איינגעשטעלט אויף אידענ־טיפיצירונג און ליבשאַפט מיט דער יידישער מדינה: אין די יוגנט־סעקציעס זענען באַשעפטיקט מדריכים פון ישראל, דער עיקר קיבוץ־חברים. אויב ס'וועלן זיין אַ סך אַזעלכע „העבראַיקאָס" אין די תפוצות, וועט יידיש לעבן דאָרט נאָך אָנהאַלטן אַ סך אַ סך יאָרן, די אַסימילאַציע און געמישטע חתונות וועלן זיין קלענער און דער עולים־פּאָטענציאַל קיין ישראל — אַ גרעסערער.

## דער נייער מאָמענט מיט די אַלטע צרות

מיין גוטער חבר פון די יוגנט־יאָרן און פון דער אַלטער היים, לאָזער גאָלדבוים, פירט מיך אַוועק אין רעדאַקציע פון דער יידישער צייטונג אין סאַן־פּאַולאָ, „דער נייער מאָמענט", וואָס דערשיינט 3 מאָל אַ וואָך. דער רעדאַקטאָר, קאָנראַד חרמץ (ער שטאַמט פון אָסטרווו־קיעלעצקי), איז אַ ליבלעכער מענטש צום שמועסן, אויספרעגן און קאָמענטירן. זיין טיפער, אויפריכטיקער קרעכץ אויף דער ביטערער דאָליע פון דער יידיש־פּרעסע, איז אינגאַנצן ענלעך צו דעם וואָס כ'האָב געהערט אין מאָנטרעאָל („דער קענעדער אָדלער"), אין ניו־יאָרק („פאָר־ווערטס") און בוענאָס־איירעס („די פּרעסע"). אויך די תרעומות אויפן אַדרעס פון ישראלדיקן טוריסטיק־מיניסטעריום און קעגן אונדזער נאַציאָנאַלער פלי־געזעלשאַפט „אל־על", הלמאי זיי בויקאָטירן מיט אַנאָנסן די יידיש־צייטונגען אין די תפוצות — זענען די זעלבע. נאָר די גרעסטע טענה איז צום אָרטיקן יידישן ישוב, וואָס אויף אַלץ האָבן זיי געלט, אויסער פאַר זייער לאָקאַלער צייטונג אין דער מוטער־שפּראַך. ווען כאָטש אַ העלפט פון די יידן אין סאַן־פּאַולאָ וואָלטן אַבאָנירט „דעם נייעם מאָמענט", איז דער קיום פון דער דאָזיקער צייטונג אַ געזיכערטער און זי וואָלט זיך אויף שטענדיק באַפרייט פון אירע צרות און דעפיציטן.

## אַ מעשה מיט אַ „מעדאַל״

אָבער פריינד חרמץ וויל מיך גאָר פרעגן אַ שאלה, וואָס האָט נישט קיין שיכות צו דער צייטונג. ס׳איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש, ווייל ס׳געהערט צום שטח פון נאַציאָנאַלן כבוד, ידישער שטאָלץ, אויך פּערזענלעכע ווירדע.

— די מעשה פון דער געשיכטע — הייבט אָן דער רעדאַקטאָר חרמץ — איז פאָלגנדיקע: מיט העכער אַ יאָר צוריק האָט פּוילנס אַמבאַסאַדאָר אין בראַזיל אַרויסגערופן צו זיך דריי יידן פון סאַן־פּאולאָ — איינער אַן אַלגעמיינער ציוניסט, דער צווייטער אַ רק״ח־מענטש און דער דריטער — פון די אָנהענגערס פון מק״י און זיי געגעבן מעדאַלן פון דער פּוילישער רעגירונג צום אָנדענק פון 40־סטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. נאָך דעם וואָס די הײַנטיקע פּוילן האָט געטאָן מיט אירע יידן פון יוני 1967, שוין אָפּגערעדט פון דער פיינט־לעכער אַנטי־ישראל פּאָליטיק — דאַרף נישט קיין שום ייד אין דער וועלט נעמען וועלכע ס׳איז אויסצייכענונג צי אָנדענק־עמבלעמען, וועלכע קומען פון וואַרשע. און אויב ר׳האָט עס יאָ גענומען — דאַרף מען דאָס צוריקגעבן אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן.

נאָך איידער כ׳האָב באַזוכט די רעדאַקציע פון „דער נייער מאָמענט״, איז מיר די דאָזיקע געשיכטע שוין געווען באַקאַנט, ווי אויך דער אויסזען און אינהאַלט פונעם „מעדאַל״. איז מיר לײַכטער געווען צו באַנעמען דעם ענין, שוין ווי אַן אינפאָרמירטער:

— קודם כל וויל איך אייך אַרויספירן פון אַ טעות. ס׳איז נישט קיין מעדאַל, וועלכן מ׳קאָן אָנהענגען אויפן ברוסטקאַסטן. גיכער איז דאָס אַן אָנדענק־טאַבלעט, אַ מין ערן־צייכן אויף אַ ברעטל מיט מעש, לכבוד אַזאַ דאַטע ווי 40 יאָר געטאָ־אויפשטאַנד. אויך דער אויפשריפט איז דווקא אַ טרייער און ערלעכער, לגמרי נישט אין נוסח פון די פעלשונגען און פאַרקריפּלונגען וועגן דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע, מיט וועלכע ס׳האָבן זיך אויסגעצייכנט — און צייכענען זיך נאָך אויס די פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס, בראש מיטן ראַטנפאַרבאַנד. איך האָב געזען דאָס ברעטל, אגב זייער עסטעטיש, ווו אויף איין זייט איז פאַראַן אַן אויפשריפט: Poległym Żydom Polskim — Bohaterom Powstania w Ghecie Warszawskim. (די געפאַ־לענע פּוילישע יידן, די העלדן פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ), און אויף דער צווייטער זייט — אויסגעשטאַנצט פון מעש די געטאָ־מויער, פון וועלכער עס זעט זיך אַרויס אַ ביקס און דריי אותיות: ז ש אָ ב (די איניציאַלן פון „זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ״ — יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע). אַלזאָ — דער אויפשריפט, אָדער די גאַנצע „קאָנצעפּציע״ פון דעם אָנדענק־טאַבלעט, איז מיט גאָרנישט פּוגע דעם זכרון פון די העלדישע געטאָ־אויפשטענד־לער. אדרבה, ס׳איז גראַד צו וווּנדערן זיך, הלמאי זיי דאַרט, די הײַנטיקע אַנטיסעמיטן אין פּוילן, האָבן אין יאָר 1973 אַרויסגעלאָזט אַזאַ מאָרט טאַבלעט און מן הסתמא אין נאָך אַ סך ערטער אין דער וועלט אים פאַרטיילט מענטשן מיט וועמען זיי האַלטן זיך נאָענט. נאָר וואָס שייך צוריקגעבן — האָט נישט קיין זין צו טאָן דאָס איצט. אמת, וואַרשע איז טאַקע ברוגז מיט ירושלים, אָבער ס׳איז זייער מ׳עגלעך אַז מאָרגן, אויפן ווונק פון מאָסקווע, האָט זי אַ ברירה זיך איבערצובעטן מיט אונדז און צוריק איינשטעלן נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציונגען. וועט נישט שאַדענען, אויב אין בראַזיל געפינען זיך עטלעכע יידן, וואָס זענען נאָענט צו פּוילנס אַמבאַסאַדע און ווען נייטיק, וועלן זיי דאָרט לאָזן פאַלן אַ גוט וואָרט אויפן אַדרעס פון מדינת ישראל (אויסער, פאַרשטייט זיך, דעם ייד פון רק״ח). מיטן דעמאָנסטראַטיוון אָפּגעבן די „מעדאַלן״, ווי איר באַצייכנט זיי, וועט אינגאַנצן איבערגעריסן דער קאָנטאַקט צווישן יידן וואָס האָבן אַ דריסת־הרגל צו אַ דיפּלאָמאַט פון אַ מזרח־אייראָפּעישע מדינה. אַ ייד אין ישראל זעט אַזעלכע דערשיינונגען מיט גאָר אַנדערע אויגן. כ׳וואָלט געזאָגט — אַ מלוכהשער בליק. ברוגז איז נישט תמיד דער ריכטיקער „רעצעפּט״, וואָס דאַרף פאַרשריבן ווערן קעגן דיפּלאָמאַ־טישע און פּאָליטישע קראַנקייטן...

איך בין נישט זיכער, צי רעדאַקטאָר חרמץ האָט אינגאַנצן מסכים געווען מיט מיר. איך האָב פון נאָך עטלעכע יידן אין סאַן־פּאַולאָ געהערט די זעלבע טענות און פאָדערונגען כלפּי די דריי „פרעמירטע" יידן. ווייזט אויס, אַז דער ענין פאַרדריסט געוויסע מענטשן, וואָס ווילן אויף אַזאַ אופן אויסדריקן זייער ווייטיק און צאָרן קעגן גאַמולקאַן, מאַטשאַרן און גיערעקן פאַר זייער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק כלפּי דער שארית הפליטה פונעם פּוילישן יידנטום, דעם הויפּט־קרבן פון די היטלעריסטישע רציחות.

**אינעם פּאַלאַץ פון די שלאַנגען**

דער פּאַלאַץ פון די שלאַנגען אין סאַן־פּאַולאָ, איז אַוודאי איינער אין דער וועלט — סיי לויטן פאַרנעם, סיי לויט דער צאָל באַשעפענישן (לעבעדיקע און טויטע) און סיי מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און דערגרייכונגען. שטעלט אייך פאָר אַ ריזיקן פּאַרק, מיט געפלאַסטערטע אַלייען, אַ סך גראַזפלאַנטן, טראָפּישע ביימער און אין דער ערד אויסגעגראָבענע „הייזקעס" פאַר הונדערטער שלאַנגען, עקדישן, סקאָרפּיאָנען, שילדקרעטס, יאַשטשערקעס. פון דער הייך לאָזט זיך גוט אָבסערווירן די פּויזנדיקע באַשעפענישן אין אַלערליי געשטאַלטן און גרייסן. איין ריזיקער שלאַנג דערמאָנט דיר זיין פאַרגייער מיט טויזנטער יאָרן צוריק, וואָס האָט צוגערעדט די מוטער חוה צו פאַרזוכן פונעם עץ הדעת. הייינט טוען דאָס פּאָליטיקערס, מיניסטאָרן, גאַנצע רעגירונגען און מיט זייער אויספּאַלגן עצות פון מענטשלעכע שלאַנגען, ברענגט מען פיל גרעסערע אומגליקן אויף פעלקער און לענדער, ווי דער אומגליק פון פאַרטרייבן אַ פאָרפאָלק פון גן־עדן...

אין די געביידעס אינעם פּאַרק געפינען זיך די לאַבאָראַטאָריעס, ווו מען אַרבעט אויס די אימפונגען קעגן די גיפטן, מיט וועלכע די שלאַנגען זענען גורם צו אַ שנעלן טויט. אגב, דער אַנטי־גיפט ווערט פּראָדוצירט פונעם גיפט זעלבסט.

אין גאַבלאָטן פון גלאָז און אויף די ווענט הענגען באַלזאַמירטע און אויסגעשטאָפּטע קאָברעס, ברילן־שלאַנגען, צלם־שלאַנגען, דראַקאָנס, פּיפּער־שלאַנגען. מ'זעט אויך זייערע סקעלעטן, צי קאָנסערווירטע טיילן. ס'איז אַ וועלט פאַר זיך צו דערלערנען די דאָזיקע באַשעפעניש וואָס רופט זיך שלאַנג — דער סימבאָל פון רשעות, פאַראַט און... גיפט. אָן שום ספק, אַז דער מענטש וועט באַהערשן די דאָזיקע בייזע באַשעפענישן. די פראַגע איז אָבער, צי ער וועט אויך באַהערשן אין זיך די שלאַנגישע גענג, אינסטינקטן און פּירעכצן?

נאָר וועגן דעם — מעג מען דערווייל צווייפלען...

(י"ש ת"א, 5.11.75)

## צוריק צום שטעטל

ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, איינע פון די שענסטע שטעט אין דער וועלט, האָט זיך נישט געפונען אויף דער מאַפּע פון מיין טראַסע אין דער איצטיקער רייזע. נאָר אַזוי ווי דער וועג פון סאַן־פּאַולאָ קיין לאָנדאָן פירט בעל־כורחו דורך יענער שטאָט, האָט זיך געשאַפן אַ געלעגנהייט, אָבער ניט מער ווי אויף אַנדערטהאַלבן מעת־לעת, צו באַזוכן נאָך אַ מעטראָפּאָליע, וועמענס פּאַנאָראַמע איז אַ זעלטענער צונויפפלעכט פון ים, בערג, טאָלן, שיינע, ברייטע גאַסן און אַ וועלט מיט גרינס און ריינע לופט. בין איך געווען זיכער, אַז מיין גאַסטגעבער און באַגלייטער דאָרט, וועט וועלן זיך פאַרשטעלן מיט דער שיינער ריאָ, אַרומפירן און לאָזן באַוווּנדערן אירע מערקווירדיקייטן, לאַנדשאַפט, מוזעאומס, אינסטיטוציעס — יידישע און ניט־יידישע, און בכלל זען אַלץ וואָס אַ טוריסט, דערצו נאָך פון ישראל, איז פאַראינטערעסירט צו זען. אָבער מיין

פריינד, אַן אָפּשטאַמיקער פון שטעטל קראַשניק וואָס הינטער לובלין, וויל מיר דווקא ווייזן גאָר עפּעס אַנדערש. פאַר אַלעמען פירט ער מיך אַוועק אין אַ געביידע, וועלכע זיין לאַנדס־מאַנשאַפט האָט מיט יאָרן צוריק אויפגעשטעלט אין דער בראַזיליאַנער שטאָט. ס׳איז טאַקע אַ גאַנץ הויז, אָבער פאַראַן דאָרט נישט מער ווי אַ שיינע און באַקוועמע שיל צום דאַווענען, אַ חתונה־זאַל, און אויפן אויבערשטן שטאָק — אַן אַנדענק־צימער. מיין מורה־דרך איז אויך פּרעזידענט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט און האָט אַליין געגעבן אַ סך פאַר׳ן בנין און זיין אויסשטאַטונג. מיט געניטקייט און הנאה פירט ער מיך אַרום איבער׳ן הויז, דערציילט וועגן אַלץ און בשעת מעשה הערסטו נישט איינמאָל אַ טיפן קרעכץ פון באַדויער, אַז בעצם לעשט זיך אויס דער גאַנצער ענין, ווייל דאָס הויז איז בשעתו אויפגעשטעלט געוואָרן אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער געגנט, ס׳האָט אָבער ניט „מיטגעשפּאַנט״ מיט די יידן און די לאַנדסלייט אין אַנדערע, רייכע ראַיאָנען, בעת מ׳האָט זיך אַהין אַריבערגעקליבן. שטייט איצט די געביידע אַ פאַראיינזאַמטע אין אַ קריסטלעכער געגנט. אַפילו דער וועכטער, וועלכער דערפילט אויך די פונקציעס פון אַ שמש, ווען די שיל איז אָפן, איז אַ בראַזיליאַנער קאַטאָליק, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן נישט געהאַט דעם קלענסטן שייכות צו עפּעס אַזוינס וואָס איז געבונדן מיט משה רבינוס גלויבן. אָבער דאָ האָט ער אַ באַקוועמע וווינונג, אַ געהאַלט און טראָגט אויך מיט זיך דעם שליסל — און אחריות! — פאַר אַ בכבודיקער יידישער אינסטיטוציע.

ס׳וואָלט געווען ניט ריכטיק צו זאָגן, אַז דער בנין פונקציאָנירט נישט. אין די שבתים, יום־טובים, צו די ערשטע סליחות און ימים נוראים, קומען זיך פונדעסטוועגן צונויף עטלעכע מנינים יידן צו דינען דעם בורא עולם. מיך האָט אַנגענומען אַ חשק צו פרעגן, צי די יידן וואָס קומען אַהער מתפּלל זיין פון מרחקים, באַזונדערס אין אַ שבת צי אין יום־כיפּור, טוען דאָס מיט די אייגענע אויטאָס, מיט דער שטאָטישער קאָמוניקאַציע, אָדער — צופוס. כ׳האָב אָבער געמאַכט אַ שווייג.

אויך אויף אַ שמחה פון אַ לאַנדסמאַן טרעפט מען זיך אין יענעם הויז, אויב דער בעל־שמחה וויל נישט פייערן אַ חתונה צי בר־מצווה אין אַ לוקסוס־זאַל, מיט דעם גאַנצן סנאָבישן רעקוויזיט. ווי ס׳זאָל נישט זיין, „לעבט״ נאָך דאָס הויז און איז נאָך אַלץ דער שטאָלץ פונעם ביסל לאַנדסלייט אין ריאָ.

אויך מיין באַגלייטער האָט אַ הנאה פון דער מעגלעכקייט צו באַווייזן זיך מיט אַזאַ אויפטו פאַר אַ ייד פון ישראל, ווייל פאַר אים פערזענלעך, איז דאָס הויז — דאָס אַמאָליקע שטעטל, די אַלטע היים, אירע גאַסן און געסלעך, דער חדר, די שול, די משפּחה, חברים, פריינד. פאָרנדיק צו דעם בנין און אויפן וועג צוריק, בעתן מיטאָג און ווען ער האָט מיך געפירט פון עראָפּאָרט אין שטאָט אַריין — די גאַנצע צייט האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט דער איינציקער טעמע... קראַשניק. ווער מיר ריאָ, וואָס מיר ריאָ? דעריבער האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן באַזוכן און באַוואונדערן ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, ווייל מען דאַרף זיך באַלד לאָזן אין אַ וויטן, 14־שעהדיקן פלי קיין אייראָפּע. נאָר די גאַנצע צייט האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט די פראַגע: וויפל מאָראַלישן און געזעלשאַפטלעכן כוח פאַרמאָגט נאָך אַלץ דאָס קליינע יידישע שטעטל אין פוילן, אַז אירס אַן אַמאָליקער איינוווינער, וואָס איז שוין אָפּגעריסן פון דער אַלטער היים אַ יאָר פערציק — לעבט אין דער ווייטער ריאָ מיט... קראַשניק, טראַכט, זאָרגט און טוט אַלץ, אַז ס׳זאָל זיין אַ המשך, אַ פאַרייביקונג, נישט לאָזן פאַרגעסן דאָס אָרט ווו מ׳איז געבוירן, אויפגעוואַקסן, געלערנט, געטרוימט און געקעמפט.

איז דאָס אַ צוריקגאַנג צום שטעטל? מעג מען אַזאַ ייד באַצייכענען ווי אַ קליינשטעטל־דיקן? איך מיין, אַז — נישט. כ׳האָב געפילט, אַז ביי אים איז נאַטירלעך, זעלבפאַרשטענדלעך דאָס קלאַמערן זיך אינעם עבר, ווייל אַ דאַנק דעם איז די קעגנוואַרט אינטערעסאַנט, אויף וויפל זי גיט אויך אין אַ געוויסער מאָס דעם שאַנס און האָפענונג אויף אַ יידישער צוקונפט פאַר

די קינדער און אייניקלעך. נישט אָפּרייסן זיך פון יענער סביבה, היים און משפחה, באַטראַכטן זיך ווי אַ רינג אין דער קייט פון יידישער דורותדיקייט און המשך — איז די שטאַרקסטע פאַר־פאַנצערונג קעגן לויערנדיקע געפאַרן אין אַ ניט־יידישער סביבה.

אין ערשטן אויגנבליק דוכט זיך אויס, אַז אַזאַ ר' אברהם שפּאַנט גאַר צוריק, נאָר אין דער אמתן איז פאַראַן ביי אים אַ גאַנץ ווייטער בליק...

## 3 טעג אין לאָנדאָן

צום באַדויערן, האָב איך אויף אַזעלכע „קליינשטעטלדיקע" יידן ניט אָנגעטראָפן אין ענגלאַנד און בעלגיע, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן נאָך בראַזיל. וואָלט מען אין יענע צוויי לענדער געפלעגט אויך אַזעלכע טיפּיש־יידישע „באַשעפענישן" וואָס הייסן לאַנדס־מאַנשאַפטן, וואָלט מען געלעבט מיט אַ ביסל מערער סענטימענט און נאָסטאַלגיע צו דער אַלטער היים, אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז יידיש לעבן אין לאָנדאָן און אין בריסל וואָלט געווען שעפערישער, אינטערעסאַנטער, אינהאַלטרייכער. ווייל פון אַזאַ דערווייטערונג, האָט אַמיינסטן געליטן די יידישע שפּראַך, די יידישע ליטעראַטור און קולטור, דער יידישער שטייגער.

פּסיכאָלאָגיש איז אפשר באַרעכטיקט אַזאַ אַנטלויפן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס מיינט מזרח־אייראָפּעישער ד' אמות, נויט, דיסקרימינאַציע — וואָס איז, בעצם געווען די הויפּט־סיבה צו עמיגרירן מעבר לים. נאָר פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, האַלט מיט דעם ענין שמאָל. גראָד די שטרעבונג זיך אָפּצוטרייסלען פונעם עבר, אַסימילירן זיך מיט דער נייער סביבה, רעזיגנירן פון המשכדיקייט, פון געזעלשאַפטלעכן לעבן — איז אויך אַ מין פּראָווינצערישקייט. אַרבעטן לטובת הכלל, איז די זיכערסטע אימוניטעט קעגן פאַרגעסונג און אָפּפרעמדונג.

בסך־הכל 3 טעג פאַרברענגט אין לאָנדאָן און אין קיין שום אָרט נישט אָנגעטראָפן זיך אויף אַזאַ יידיש־מדבר ווי אין דער הויפּטשטאָט פון דער בריטישער אימפּעריע. אין ענגלאַנד וווינען היינט־צו־טאָג אַ 450 טויזנט יידן (אַנטקעגן 300 טויזנט מיט 40 יאָר צוריק און 45 טויזנט — מיט 90 יאָר צוריק). בלויז אין לאָנדאָן געפינען זיך אַ 280 טויזנט יידן.

דער דאָזיקער ישוב וועגעטירט נישט, חלילה, אין נאַציאָנאַלן ווי אין געזעלשאַפטלעכן זין. ער איז אָרגאַניזירט אין אַ פאַרבאַנד פון יידישע קהילות און אין דער אָפּטיילונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס זענען אָנגעשלאָסן 200 אָרגאַניזאַציעס; צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן די ציוניסטישע פעדעראַציע, פילאַנטראָפּישע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס; די יוגנט־באַוועגונגען מיט זייערע 150 קלובן; אַ נעץ פון וועלטלעכע און רעליגיעזע שולן, וווּ עס לערנען אַ 30 טויזנט קינדער — נאָר אין קיין איינער פון זיי ווערט נישט געלערנט קיין יידיש (סיידן, אין אייניקע רעליגיעזע דערציונג־אַנשטאַלטן).

קנאַפּע 50 פעריאָדיקס (פון וואָכנשריפטן ביז יאָר־אויסגאַבן), אַרויסגעגעבן דורך פאַר־שידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס און פערזענלעכקייטן. נאָר צווישן דער אָנגעזעענער צאָל, וועט איר געפינען בלויז איין צייטונג אין יידיש, און אין אַ נישט־געהויבענעם צושטאַנד — אין אַלע הינזיכטן.

פּראָפּאָרציאָנעל, גיבן יידן אין ענגלאַנד מערער געלט פאַרן מגבית, ווי אַנדערע קהילות. נאָר לויט ווי כ'האָב געהערט, האָט דאָס בריטישע יידנטום אממיינסטן זיך צוגעפּאַסט (גענויער — אַריינגעפּאַסט) אינעם ענגלישן לעבנסשטייגער, ממש זיך אינטעגרירט. דער דאָזיקער ווילן „אויסצוגלייכן די ליניע" מיט דער סביבה האָט אויך פאַרגרעסערט די צאָל געמישטע חתונות: איינע אויף יעדע פינף, און אין געוויסע ראַיאָנען — אַפילו איינע אויף יעדע דריי.

דעם איינציקן צוזאַמענטרעף מיט יידן אין לאָנדאָן האָב איך געהאַט אין אַ פּריוואַטער שטוב, מיט אַ האַלבן טוץ פאַמיליעס־לאַנדסלייט, וואָס האָבן זייער געבוירן־שטאָט ניט פאַר־געסן און ווילן נאָך זיך טוליען איינער צום אנדערן. זיי אַלע זענען געקומען קיין ענגלאַנד

שוין נאָך דער מלחמה, אָבער יענעם אָוונט האָט מען געהערט צווישן זיך נאָר ענגליש און... פויליש. איך לערן זיך טרעפן, אַז דער ענגליש זייערער איז ווייט פון שעקספּירס לשון, פונקט ווי דער פויליש האַרמאָנירט נישט אינגאַנצן מיט דער שפּראַך פון אַדאַם מיצקעוויטש. מיר איז שווער געווען צו פאַרשטיין, הלמאי זיי בויקאָטירן יידיש, הגם די דאָזיקע שפּראַך איז אין דער אַלטער היים געווען זייער טאָג־טעגלעך „ברויט". איז מיך באַפאַלן אַ מחשבה: איז דאָס נישט אויך אַ סאָרט קליינשטעטלדיקייט אויפצווינגען אויף זיך פרעמדע שפּראַכן, ביים גלייכצייטיקן מאַכן זיך פאַרגעסן אין מאַמע־לשון? אַנטלויפן פון יידיש, איז דער ערשטער שריט זיך אָפּצוטיילן פון פאָלק. שפּעטער הייבן זיך אָן וווּנדערן אַזעלכע עלטערן, הלמאי זייערע קינדער קענען נישט אויסרעדן אַ יידיש וואָרט און ווייסן נישט וואָס ס'איז אַזוינס אַ יידיש אות. און כ'האָב נישט געהאַט קיין געפיל, אַז די אַלע טאַטעס־מאַמעס פיינט דאָס געוויסן, אַז מען באַדויערט וואָס מיט אַזאַ פירונג באַזייטיקט מען די קינדער נישט נאָר פונעם לשון, נאָר אויך פונעם שטייגער, טראַדיציע, געפילן.

האָב איך די דאָזיקע יידן געגעבן אַנצוגעהערן, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט זיך אומצוקערן, מיט דער מחשבה, פאַרשטייט זיך, צו יענעם נישט־אַנטוישנדיקן קוואַל וואָס הייסט — די אַלטע היים, צי איז דאָס ס'קליינע שטעטל, אָדער די גרויסע שטאָט. פון דאָרט לאָזט זיך שעפּן, אויסער זכרונות, אויך מוט, וויסן און אינספּיראַציע פאַר קעגנוואַרט־אַרבעט אין דער נייער היים, ווו זי איז איצט זייער נויטווענדיק...

(י"ש ת"א, 19.11.75)

## אויפן וועג אַהיים

ענדלעך, אַ סוף צו דער רייזע וועלכע האָט אַרומגענומען זיבן לענדער, צען גרויסע שטעט, ווו כ'האָב געהאַט אַן אַ שיעור צוזאַמענטרעפן און געשפּרעכן מיט יחידים און אָרגאַניזאַציעס, אויסער עפנטלעכע אויפטריטן. דעם 30־סטן אַפּריל 1975 פירט מיך דער ריזיקער „דזשאַמבאָ" פון „אל־על" פון בריסל קיין לוד. אין עראָפּלאַן געפינט זיך באַלד אַזאַ צאָל פּאַסאַזשירן, ווי אין אַ קליינעם ישוב אין ישראל. הונדערטער מענטשן פילן זיך גוט אין דעם פליענדיקן ריז, אַ דאַנק די תמיד שמייכלדיקע און איבערטריבן־העפלעכע סטיואַרדעסינס, ווי אויך פונעם גוטן עסן, פון דער ישראלדיקער מוזיק און פאַר אַלעמען — אַז מען געפינט זיך שוין אויפן וועג אַ היים.

### וואָס אַנטוורפּענער יידן קאָן אַלץ איינפאַלן!

דער רוב פּאַסאַזשירן זענען ישראל־בירגער, צווישן וועלכע ס'איז פאַראַן אַ גרופּע מלחמה־אינוואַלידן: אין וועגעלעך, מיט אָפּגעברענטע פּנימער, צעהאַקטע אברים — 25 פאַרווונדעטע און פאַרלעצטע פון אַלע מלחמות, וועלכע אונדזער מדינה איז געווען געצוווּנגען צו פירן מיט אירע שכנים אין משך פון די 27 יאָר עקזיסטענץ. דער גרעסטער טייל פון זיי טראָגט נאָך מיט זיך די ווונדן פון דער יום־כיפּור מלחמה.

אָן שום ספק, אַז אונדזערע דאָקטוירים האָבן באַוויזן וווּנדער־אויף־וווּנדער ביים צוריקשטעלן אויף די פיס אַפילו די וואָס האָבן פאַרלוירן אויף די פראָנטן איינעם אָדער ביידע פיס. אויך די פיזיאָטעראַפּיע האָט אין אַ סך פאַלן דערגרייכט ס'איריקע. אָבער ווי אַזוי און ווער וועט היילן די מאָראַלישע און גייסטיקע ווונדן פונעם אינוואַליד? אין לאַנד האָבן עס געטאָן מיט אַ סך ליבשאַפט און אחריות די פאַרזאָרגטע און מיטליידנדיקע משפחות, וואָלונטערע אָרגאַניזאַציעס און גוטהאַרציקע פרויען, שוין אָפּגערעדט פון זיכערקייט־מיניסטעריום וואָס

האָט אַנטקעגן געטראָגן די מאַקסימאַלסטע הילף, פינאַנסיעלע מיטלען, די נייטיקע מכשירים, אָפּרו־הייזער און היילונג. די מדינה האָט נישט פאַרגעסן אין די וואָס האָבן זי פאַרטיידיקט.

נאָר פאַראַן אויך אַ גרויס יידיש פאָלק אין דער וועלט, יידן בני רחמנים, וואָס אויסער זייער בכבודיקן אַנטייל אין מגבית בכלל און פאַר באַזונדערע צוועקן בפרט; אויסער דעם אויפשטעלן פאַרשידענע אינסטיטוציעס אין ישראל — האָבן געוויסע קהילות אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע עמפּינדלעכקייט צו צה״ל־זעלנער און אָפיצירן, וואָס זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן אין סיני צי אין גולן. אין די לעצטע צוויי יאָר האָט אויף דעם געביט זיך אויסגעצייכנט דער יידישער ישוב אין אַנטווערפּן, וואָס האָט אויף צוויי וואָכן (און מערער) אויפגענומען ביי זיך, צום ווייפלטן מאָל, מלחמה־אינוואַלידן, געגעבן זיי פולן אויפהאַלט, באַצאָלט פאַר די פלי־בילעטן אהין און צוריק.

איצט פאָרן טאָקע די אינוואַלידן צוריק, אויך זיי זענען אויפן וועג אַ היים. זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַ קיבוץ גלויות אין מיניאַטור: געבוירענע אין לאַנד („סאַבּרעס״), אָפּשטאַמיקע פון צפון־אַפריקע, פון אינדיע, פון גרוזיע, פון אייראָפּעיִשע לענדער, טאַטעס פון קינדער און איינזאַמע, סטודענטן און אַרבעטער, קיבוץ־חברים און שטאָטישע — וואָס האָבן פאַרברענגט אין וואַרעמע, גאַסטפריינטלעכע יידישע היימען אין דער בעלגישער שטאָט — און זיי האָבן נישט געגנוג לויב־ווערטער פאַר זייערע גאַסטגעבערס.

פאַרשטייט זיך, אַז צו אַזאַ הכנסת־אורחים מצד אַנטווערפּענער יידן, זענען זוכה נאָר די שווערע פאַלן צווישן די אינוואַלידן. צו דער קהילה ווערט געשיקט אַ רשימה פון די קאַנדי־דאַטן, מיטן פּראָצענט פון אינוואַלידנשאַפט (וואָס איז תמיד העכער פון 50%), וועלכע שפּראַכן זיי קענען — און לויט די קריטעריומס ווערט באַשטעטיקט די גרופּע.

פונעם שמועס מיט אייניקע פון זיי, דערוויס איך זיך, אַז די אינוואַלידן זענען ממש באַגייסטערט פון דער אויפנאַמע, פון די מתנות, פון דער זאָרג וועלכע מ׳האָט זיי אַרויסגעוויזן די גאַנצע צייט. דעם יום העצמאות פון דער מדינה איז זיי אויסגעקומען צו פייערן אין אַנט־ווערפּן, ווו ס׳איז אויפגעטרעטן דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר, אויך אַ הויכער צה״ל־אָפיציר און מנהיגים פון אָרטיקן ישוב. דער עולם אין זאָל האָט די אינוואַלידן געמאַכט אַזאַ אָוואַציע און קבלת־פנים, אַז זיי וועלן דאָס לאַנג געדענקען. די געוועזענע פראָנט־קעמפערס האָבן אין גלות אייראָפּע אַנטדעקט אַ נייע וועלט פון אהבת ישראל, פון טריישאַפט צו דער מדינה, פון פאָטער־לעכער אויפמערקזאַמקייט. ערשט דאָרט איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז מיר זענען איין פאָלק, הגם מ׳איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

דער באַגלייטער און פאַראַנטוואָרטלעכער פון דער גרופּע, נ. יאַסאָלאָוויטש, קאָלאָנעל (אין רעזערוו) פון דער ישראל־אַרמיי, אַליין אַן אינוואַליד, דערציילט מיר, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלע פּראָבלעמען מיט די יונגעלייט. נאָכן אָנקומען קיין אַנטווערפּן, האָט מען זיי צעטיילט אין 25 היימען — יעדער אינוואַליד צו אַ משפּחה. די באַזוכן אין שטאָט זענען פאַרגעקומען מיטן גאַנצן קאָלעקטיוו. ס׳איז אויך צוגעגאַנגען לייכט דאָס איינלעבן זיך פון דער חברה — סיי צווישן זיך (מ׳האָט זיך פריער נישט געקענט) און סיי מיט זייערע גאַסטגעבערס.

— וואָס אַנטווערפּענער יידן קאָן אַלץ איינפאַלן — זאָגט מיר דער קאָלאָנעל — איך האָב נישט געהערט, הגם מעגלעך אַז אַזעלכעס האָט יאָ פּאַסירט, אַז איטאַליענער אין אַמעריקע זאָלן האָבן פאַרבעטן צו זיך קריגס־אינוואַלידן פון איטאַליע פון דער ערשטער צי צווייטער וועלט־מלחמה, אָדער ענגלענדער אין אויסטראַליע צי דרום־אַפריקע זאָלן אויפנעמען ביי זיך גרופּן אינוואַלידן פון גרויס־בריטאַניע...

## די פיר גרופּן פון פראַנצויזישן יידנטום

מיין איצטיקער וויזיט אין פראַנקרייך איז שוין אַוודאי דער פינפטער, צי זעקסטער — און יעדעס מאָל איז מיר אַלץ שווערער צו באַנעמען אייניקע דערשיינונגען אינעם דאָרטיקן יידישן לעבן. נאָכן לעצטן באַזוך, באַגלייט מיט גערויסע אָבסערוואַציעס, מוז איך מסכים זיין מיטן באַרימטן יידישן געלערנטן, פּראָפעסאָר ראַימאָן אַראָן, וועגן דער צוקונפט און אויסזיכטן פון פראַנצויזישן יידנטום:

✶ די יידן אין פראַנקרייך לאָזן זיך איינטיילן אין עטלעכע גרופּן, וואָס יעדע איינע היט אָפּ איר עקסקלוסיוויקייט און אידענטיטעט. פון איין זייט — די גרופּע וואָס פאַרמאָגט נישט לחלוטין קיין רעליגיעזע אידענטיפיצירונג (יידן וואָס באַטראַכטן זיך פאַר פראַנצויזן אין אַלע הינזיכטן און זייער באַציונג צו יידישע פּראָבלעמען איז אַ פולשטענדיק גלייכגילטיקע). די דאָזיקע גרופּע וועט עקזיסטירן אויך אין דער צוקונפט, אָבער נישט סאָלידאַריזירן זיך מיט יידישקייט, הגם זי וועט גלייכצייטיק האָבן דעם באַוווסטזיין וועגן איר יידישער אָפּשטאַמונג.

✶ אין צווייטן עק געפינט זיך אַ גרופּע — „נאָך ווייניקער פאַרשטענדלעך פון דער אַסימילירטער גרופּע". דאָס איז די ציוניסטישע גרופּע, וואָס איז מער ישראלדיק, ווי די ישראלים און טראָץ דעם בלייבן זיי לעבן אין פראַנקרייך.

✶ צווישן די צוויי עקסטרעמע פאַלן, ערגעץ־ווו אינמיטן, געפינט זיך די איבערוועגנדיקע מערהייט פון יידישן ציבור אין פראַנקרייך — יידן וואָס זאָגן, אַז זיי זענען פראַנצויזישע בירגער אין אַלע ענינים, אײנשליסלעך די רעכט ליב צו האָבן ישראל. די דאָזיקע אַנגעזעענע גרופּע נעמט אַרום אַ גרויסע צאָל רעליגיעזע און פרייע יידן, וואָס זענען טעטיק אינעם קהילה־לעבן אין זייערע ווױן־ערטער.

✶ אַ פערטע גרופּע, וואָס איז אַ מינדערהייט צווישן די צוויי עקסטרעמע גרופּעס, קאָנצענטרירט זיך אַרום רעליגיעזע ווערטן און איז צעטיילט אויף צוויי טיילן: יידן וואָס זייער רעליגיעזקייט איז אַ רעזולטאַט פון אינטעלעקטועלן צוריקקער־פּראָצעס, און יידן (דער עיקר אָפּשטאַמיקע פון צפון־אַפריקע), וואָס זייער רעליגיעזער גלויבן איז אַ רעזולטאַט פון דערציונג און סביבה. דער ערשטער דור פון דער גרופּע איז געוואָרן דערצויגן אויף דער יידישער קולטור פון די איסלאַם־לענדער, אָבער זייערע קינדער לערנען איצט אין פראַנצויזישע שולן, זאַפּן איין די פראַנצויזישע קולטור. במשך דער צייט איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע גרופּע וועט זיך צונויפשמעלצן מיט דער מערהייט־גרופּע (די ציוניסטישע), ווען עמענס יידישקייט דריקט זיך דער עיקר אויס אין סאָלידאַריטעט מיט ישראל, אָדער וועט זיך אָנשליסן אין דער גרופּע, וועמענס באַזע פון איר רעליגיעזן גלויבן איז לגמרי אַן אינטעלעקטועלע.

אויף אַזוי פיל — פּראָפּ׳ אַראָן. מיר וועלן זיך נישט באַשעפטיקן מיט פּראָגנאָזן, נאָר מיט דער קעגנוואַרט. און סאָלידאַריטעט מיט ישראל, מיינט דאָך פאַר אַלעמען — אויך (און אפשר דער עיקר) עלייה. ווי האַלט עס אויף דעם געביט?

איך קער זיך צוריק צו דער ציוניסטישער גרופּע, ווי עס באַצייכנט זי פּראָפּ׳ אַראָן אין זיין קווערשניט איבערן פראַנצויזישן יידנטום.

### „זיי זענען דאָרט און מיר זענען דאָ"...

„מ׳זאָגט, אַז מיר זענען אַנטי־ציוניסטן. דער אמת איז דער, אַז מיר זענען אַ חלק פונעם עכטן ציוניזם וואָס וויל בויען אַ מדינה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. ריכטיק, מיר האָבן געהאַט מחלוקתן מיט די מנהיגים פון דער קהילה אין אַרגענטינע און מיט דער אָרטיקער ציוניסטישער אָנפירונג. זיי האָבן געטענהט, אַז מיר זענען לינקע. ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז זיי זענען דאָרט און מיר זענען דאָ, אין די קיבוצים"...

אַזוי האָט מיט 2 וואָכן צוריק דערקלערט אין „מעריב" די 21־יאָריקע עדיט סעגאַל, וואָס האָט מיט 15 חדשים צוריק עולה געווען פון אַרגענטינע און געפינט זיך איצט אין קיבוץ גבעת עוז פון „השומר הצעיר", צוזאַמען מיט נאָך 27 יוגנטלעכע פון מרדכי אנילעוויטש קרייז אין בועאָנאָס־איירעס. אירע רייד זענען אַן אומאָפּפּרעגלעכע באַשטעטיקונג פאַר ריימאָן אַראָנס טעזע „וועגן ציוניסטן וואָס בלייבן לעבן אין פראַנקרייך".

אויך פיל יידישע קינדער פון פראַנקרייך וועט איר געפינען אין די קיבוצים פון „השומר הצעיר", וואָס זייער ציוניסטישע דערציונג האָבן זיי באַקומען אין „סערקל בערנאַר לאַזאַר" אין פּאַריז, אין דאָרטיקן קן פון „השומר הצעיר", אין דער יוגנט־באַוועגונג און סטודענטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס אַלע צוזאַמען זענען פאַרבונדן מיט מפּ"ם. דערפאַר האָבן אויך זיי, פאַר דער עליה, געהאַט אויסצושטיין פאַרשידענע אַטאַקעס און קריטיק פונעם ציוניסטישן „עסטאַב־לישמענט" אין פראַנקרייך, וואָס האָט זיי פאָרגעוואָרפן: לינקיזם; איבערטריבענע זאָרג פאַר די פּאַלעסטינעזער; פלעגן אילוזיעס, אַז אַ שלום צי אַ רעגולירונג מיט די אַראַבער לאָזט זיך דערגרייכן מיט טעריטאָריאַלע קאָמפּראָמיסן. דער רוב מנהיגים פון „חרות", אַלגעמיינע ציוניסטן, „מזרחי" און „העבודה" (געוו. מפא"י) וואָס האָבן זיך אַליין געזאָלבט ווי טרייערע ציוניסטן פון יענע יונגעלייט, וועלכע פלעגן זיך באַנוצן מיט אַ לינקער פראַזע, אָבער דערמיט דערנענטערט צום חלוצישן ציוניזם צענדליקער יוגנטלעכע, וואָס זענען נוטה געווען צום „נייעם לינקס" און וואָלטן פאַרלוירן געגאַנגען פאַרן פאָלק און פאַר דער מדינה — זענען ממש אין דער לעצטער מינוט געראַטעוועט געוואָרן פון נאַציאָנאַלער דעזערציע. אינטערע־סאַנט, אַז גראָד די דאָזיקע „אויסגעלינקטע" האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב שוין יאָ ציוניזם, דאַרף מען אים נישט נאָר פּרעדיקן, נאָר אויך — רעאַליזירן! און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן, געגנוי ווי זייערע אידעען־חברים אין אַרגענטינע, וואָס געפינען זיך דאָ, בעת יענע דאָרט — זענען טאַקע געבליבן דאָרט...

## די עליה פון פראַנקרייך פליסט טראָפּנווייז

אַ 550 טויזנט יידן וווינען אין פראַנקרייך, דאָס פערטע לאַנד אין דער וועלט, לויט דער צאָל יידישע בירגער. נישט געקוקט אויף דער פּראָ־אַראַבישער (און אַנטי־ישראלדיקער) פּאָלי־טיק פון דער רעגירונג, זענען אחינו בני ישראל נישט באַגרענעצט אין זייערע יידישע אַקטי־וויטעטן. פאַראַן אַ רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַניזאַציע „קריף", פאַראַן אַ „פאָנד סאָציאַל", פאַראַן אַ רעליגיעזער פאַרבאַנד „קאָנסיסטואַר", עס פירט אַ טעטיקייט די ציוניסטישע פעדעראַציע. יענער ישוב פאַרמאָגט אויך אייגענע „אָרט"־שולן, רעליגיעזע שולן, תלמוד־תורהס, פאַראַן אַפילו אַ יידישע (רעליגיעזע) שעה אין דער טעלעוויזיע יעדן זונטיק פרי, אויך די „אַליאַנס"־שולן (כל ישראל חברים) זענען טעטיק. נאָר אין קיין איינעם פון די אַלע דערציונג־אַנשטאַלטן ווערט נישט געלערנט קיין יידיש.

ס'איז קענטיק די השפעה פון די צפון־אַפריקאַנער יידן. זיי זענען אָרגאַניזירט אין באַזונדערע פאַרבאַנדן פון יידן פון אַלזשיריע, פון מאַראָקאָ, פון טוניס. וואָס שייך די אָרגאַניזאַציעס פון פּוילישע יידן — איז דאָך אָפּגערעדט: פון פּשיטיק ביז וואַרשע, פון פאַלעניץ ביז לאָדזש... לובלין פאַרמאָגט אירע צוויי לאַנדסמאַנשאַפטן. מען דערציילט, אַז ערגעץ־ווו עקזיסטירט נאָך אַ דריטע, פון די אַלט־איינגעזעסענע.

אַ נישט־אָריענטירטער וועט זיך טראַכטן: פון וואַנען און פאַר וואָס אַזאַ צעשפּליטערונג ביי יידן? די דערפאַרונג האָט אָבער באַוויזן, אַז ווי נאָר עס קומט צו ענינים פון ישראל, באַזונדערס אין טעג פון קריזיסן און מלחמות — ווערן אַלע פאַרייניקט. אין דעם פאַל איז מען גרייט, אונטער איין פאָן, דעמאָנסטרירן, פּראָטעסטירן, אַרויסווייזן ציטער און זאָרג באַזאַמען מיט ליבשאַפט, סאָלידאַריטעט און אידענטיפיצירונג מיט דער יידישער מדינה. אויך מיטן

מגבית איז נישט צום פאַרזינדיקן. נישט נאָר פאַרן קאַמפּיין גיט מען, ווען ער פירט אָפּיציעל זיין אַקציע, נאָר אויך ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווי חתונות, בר־מצוות, אַזכרות, יאָרצייטן. דאָקעגן מיט געבן עולים — איז מען הינטערשטעליק.

כ׳האָב ערגעץ־ווו געלייענט, אַז אין אַ פאָרשונג צווישן פראַנצויזן וועגן זייערע יידישע מיטבירגער, זענען 2/3 ביי דער מיינונג, אַז יידן פון פראַנקרייך באַטראַכטן זיך פריער פאַר יידן און ערשט נאָך דעם — ווי פראַנצויזן. נאָר ווען מ׳האָט זיי געשטעלט די פראַגע „צי איז נאַטירלעך אַז אַ פראַנצויזישער ייד זאָל אויסדריקן סימפּאַטיע פאַר ישראל?״ — האָבן 69% פון די אָנגעפרעגטע געזאָגט, אַז זיי זענען נישט דאָקעגן, אָבער 53% האָבן באַמערקט, אַז „דער יעניקער פראַנצויזישער ייד וואָס וויל אויסדריקן אַקטיווע סימפּאַטיע פאַר ישראל, דאַרף אַהין פאָרן און דאָרט לעבן״...

אַ לאָגישע, זעלבפאַרשטענדלעכע מסקנה פון מערער פון אַ העלפט אָנגעפרעגטע נישט־יידן, וועמענס תשובה, לאָמיר האָפן, האָט נישט הינטער זיך יענע אַנטיסעמיטישע אינטער־פּרעטאַציע, וועלכע מיר זענען געוווינט געוווען צו הערן אינעם פאַרמלחמהדיקן פוילן („זשי־דזשע דאָ פּאַלעסטיני״). דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז בדרך כלל ווייט פון אַזעלכע איינשטעלונגען.

דערוויל פליסט די עליה פון פראַנקרייך טראָפּנווייז. איך מיין, אַז איינע פון די סיבות איז אויך די, וואָס סיי די אַשכנזישע יידן, סיי די אָפּשטאַמיקע פון די אַפראָ־אַזיאַטישע לענדער, זענען נישט אין די אַרטיקע ציוניסטישע מנהיגים דעם פּערזענלעכן ביישפּיל, וואָס זאָל דער־מוטיקן און מיטרייסן אַנדערע. דער העכער האַלב־מיליאָניקער יידישער ישוב האָט געהאַט אַ ברירה צו זיין אַ נישט־אַנטוישנדיקער קוואַל פאַר עליה קיין ישראל.

## געטאָ־פייערונגען — אָן אַ יידיש וואָרט

אַפילו נאָכן איבערלייענען אין „אונדזער וואָרט״, די איינציקע טאָג־צייטונג אין יידיש וואָס דערשיינט אין פראַנקרייכס הויפּטשטאָט, די אַנאָנסן און קאָמוניקאַטן וועגן די באַפאָר־שטייענדיקע געטאָ־פייערונגען אין פּאַריז און אין בריסל, וועלכע ס׳האָבן אָרגאַניזירט, איינהייט־לעך, יידישע אָרגאַניזאַציעס אין די צוויי הויפּטשטעט — האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַזעלכע צוויי אונטערנעמונגען צום אָנדענק פון 19־טן אַפּריל 1943, וועלן ווערן אַדורכגעפירט על טהרת... פראַנצויזיש. אַלע באַשטימטע רעדנערס אויף דיביידע אַקאַדעמיעס וועלן נישט רעדן יידיש. אַזוי ווי יידיש לעבן אין בעלגיע איז פיל איינגעשרומפּענער און אָרעמער ווי אין פראַנקרייך, ווו אויסער דער טאָגצייטונג, איז פאַראַן אַ בכבודיקער שרייבער־פאַראיין און אַן אָנגעזעענער עולם וואָס לעכצט נאָך אַלץ נאָך אַ יידיש וואָרט — האָט מען אין דער לעצטער מינוט באַשלאָסן אין פּאַריז אַדורכצופירן, אונטערן שילד פון פאַרבאַנד פון מזרח־איראָפּעאישע יידן און פונעם ליטעראַטן־פאַראיין, אַ געטאָ־פייערונג אין יידיש. און זי איז טאַקע, פאַרגעקומען, צומאַרגנס נאָך יענער צענטראַלער פייערונג אין פראַנצויזיש. נאָר צו ביידע האָט געמעגט קומען אַ גרעסערער עולם. דאָקעגן אין בריסל האָט מען נאָר אויף איין אָוונט אָפּגעמערקט דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין דער שפּראַך פון וויקטאָר הוגאָ...

## די „יידיש־תורה״ דאַרף אַרויסגיין פון ציון

למען האמת, האָט זיך נישט געוואָלט פאַרענדיקן די רייזע־פאַרצייכענונגען מיטן אַרויס־ברענגען אַזעלכע נישט פריילעכע און נישט דערמוטיקנדיקע פאַקטן, ווי די פון בריסל און פּאַריז. מיין שליחות, אין נאָמען פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, פון יידישן שרייבער־פאַראיין און מפ״ם, האָט זיך אָבער באַשעפטיקט מיטן א. ג. יידיש־סעקטאָר, דעריבער איז פאַרשטענדלעך מיין אויפמערקזאַמקייט און עמפּינדלעכקייט בנוגע דעם פונקט. איך האָב קענען געלערנט, אַז דער דאָזיקער סעקטאָר לעבט, איז טעטיק און טוט אַלץ, כדי ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם

פאַדעם פון המשך. די דאָזיקע „יידישע יידן", ווי איך באַצייכן זיי, ווילן נאָך אַלץ אָנגיין מיט יידיש לעבן, מיט יידישער קולטור־טעטיקייט, מיט קויפן, פאַרשפּרייטן און לייענען אַ יידיש בוך און אַ צייטונג, מיט אויסלעבן זיך אין יידישער טראַדיציע. נאָר צוליב דעם פרעמדן אַרום און אייגענער שוואַכקייט, איז נישט שווער פאַרויסצוזען דעם רעזולטאַט פון דעם פּאַרמעסט.

קלינגט עס אפשר ווי אַ פּאַראַדאָקס, נאָר דער פּסוק „כי מציון תצא תורה" מעג היינט פּאַראַפראַזירט ווערן אויף אַ מין „עקספּאָרט" פון יידיש אין די תפוצות — פון מדינת ישראל. בפירוש, פון ציון דאַרף קומען די מאָראַלישע און פּראַקטישע שטיצע פאַר די יידיש־כוחות אין דער דיאַספּאָראַ. צום באַדויערן, זענען די סוכנות און די ישראל־רעגירונג זיך נוהג צו שיקן שליחים צו יידן אין דער וועלט, וואָס רעדן ענגליש, פראַנצויזיש, פּאָרטוגעזיש, שפּאַניש און אַלע אַנדערע שפּראַכן — אויסער צו יידן וואָס לעבן זיך אויס אין יידיש. נאָר זיי האָט מען געלאָזן אויף הפקר, אויסגעליפערט אויף זייערע אייגענע, אגב אָפּגעשוואַכטע כוחות און אומבאַהאָלפנקייט.

די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, די ציוניסטישע פעדעראַציעס און יחידים אין די גלות־לענדער וואָלטן באַדאַרפט פאָדערן פון ירושלים צו „ענדערן דעם קורס" און שענקען אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט די דאָזיקע יידן. נישט בלויז זיי וועלן דערפון געניסן — כ'בין מער ווי זיכער, אַז אויך מדינת ישראל וועט דערפון צוקומען אַ שטיק געזונט...

(י"ש ת"א, 3.12.75)

# יידישע תפוצות אין יאָר תשל"ה

(אייניקע סך־הכלען פון אַ שליחות)

1.

אַ באַזוך אין 10 גרויסע שטעט פון זיבן לענדער אין תשל"ה שאַפט אַ געוויס בילד פון דאָרטיקן יידישן לעבן, בפרט נאָך, אַז אַנשטאָט פאַרנעמען זיך מיט געוויינלעכער טוריסטיק אויף צו באַוואונדערן אַלטערטימלעכקייטן, אַנטציקן זיך מיט מוזעאומס, דענקמעלער אָדער קלעטערן אויף די בערג — האָט מען גאָר באַזוכט יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, געטראָפן זיך מיט יידן פון אַ גאַנץ יאָר, ווי מיט פירנדע פערזענלעכקייטן, און אויך באַקענט זיך מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון אַחינו בני ישראל אין די תפוצות, אַ דאַנק דער ברייטהאַר־ציקער הכנסת־אורחים אין זייערע היימען.

בכלל איז דאָס געווען אַן אומקאָנווענציאָנעלע שליחות: פון דער לובלינער לאַנדסמאַנ־שאַפט, פון יידישן שרייבער־פאַראיין און פון דער וועלט־באַוועגונג פון מפ"ם, וואָס האָט דיך בעל כורחו צונויפגעטראָפן נאָר מיט יידיש־ריידנדיקע יידן אויף פרעמדער ערד. ס'איז אָבער אַ באַוווסטע זאַך, אַז גראָד די־אָ יידן זענען נישט אָפּגעפרעמדט סיי פון דער יידישער מדינה, סיי פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן אויף די ערטער.

2.

אין משך פון די 3 חדשים וואַנדערן איבער מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס, בוענאָס־איירעס, סאַן־פּאַולאָ, ריאָ־דע־זשאַנעירא, לאָנדאָן, בריסל און פּאַריז — אַנטפּלעקט זיך פון דער נאָענט, און מיט געוואַלטיקער קראַפט, די אויסטערלישע ליבשאַפט, זאָרג און ציטער פון אונזערע יידן פאַרן גורל פון דער מדינה בכלל און אירע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען בפרט. פאַר אַלעמען אינטערעסירן זיי די נייעס פון ישראל, וועלכע זיי פאָלגן נאָך און באַקומען אויך בשפע אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע. יעדער שאָס ביי דער

גרענעץ, צי אויפרייס אין צפון פון לאַנד, קלינגט דאָרט אָפּ מיט טויזנטער עכאָס שטאַרקער ווי אין ישראל גופא. אין טעג פון טעראָריסטישע אַטאַקעס צי פּאָליטישע קריזיסן, שטייגן הויך די זאָרג און ציטער. דאַקעגן אין שטילערע צייטן, קלאַפּן זייערע הערצער מיט אַ סך ליבע, שטאָלץ און סאָלידאַריטעט פאַר ישראל.

ביי יעדן צוזאַמענטרעף מיט אַזאַ ייד, איז זיין ערשטע פראַגע געווען: „וואָס הערט זיך אין ישראל?" אָדער „וואָס וועט זיין?". אין אָנהייב האָט מיך באַהערשט אַ געפיל, אַז זיי ווילן מיך באַרואיקן און מוטיקן. אַ קלייניקייט: איך קום דאָך עפּעס פון אַ לאַנד מיט שפּאַנונג, שיסערייען, אינערלעכע צעשפּליטערונג, אויסערלעכער דרוק, געניִדערטע מאָראַל, הויכע שטייערן אד"גל. נאָר צום סוף פון אונדזער געשפּרעך האָט זיך באַקומען, אַז איך האָב גאָר באַדאַרפט זיי מוטיקן און באַרואיקן, אין נוסח פון י. ל. פּרצעס „טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף אַ טרייסט".

ווייל די יידן דאָרט, זייענדיק איבערגענומען מיט די ענינים פון דער מדינה, נייטיקן זיך שטאַרק אין אַ גוט, מונטער וואָרט פון אַ ישראלדיקן איינוווינער, וואָס זאָל עטוואָס נייטראַליזירן די גוזמאדיק־נעגאַטיווע ידיעות. און איך בין נישט זיכער, צי דאָס געלונגט תמיד די פּראָפעסיאָנעלע שליחים פון דער סוכנות און פון דער ישראל־רעגירונג.

.3

בדרך־כלל, דערגייען נישט די דאָזיקע שליחים צום א. ג. יידיש־סעקטאָר, ווייל די אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע פון ישראל ווערט דער עיקר געלענקט פאַר אינטעלעקטואַלן, זשורנאַליסטן, סטודענטן, פּאָליטיקערס, יוגנט — יידן וואָס רעדן נישט קיין יידיש און נישט־יידן. דאַקעגן דעם יידיש־רעדנדיקן עלעמענט לאָזט מען שטיין אין אַ זייט. שוין־זשע נייטיקן זיי זיך נישט אין ישראלדיקער, צי ציוניסטישער אויפקלערונג? אַ סברה, אַז מען פירט זיך לויט דער הערשנדיקער איינשטעלונג, אַז איבערצייגטע דאַרף מען נישט איבערצייגן. לויט מיין מיינונג, איז דאָס אַ פאַרוואָרלאָזטער שטח, ווייל מיר זענען נישט באַקאַנט אַ סך פאַלן, אַז שליחים וואָס זיצן אין אַ געוויס לאַנד עטלעכע יאָר, גיבן זיך אַמאָל די מי אַראָפּצונידערן פונעם אַנדערש־שפּראַכיקן אָלימפּוס (אַפילו ווען זיי קענען יידיש) און „גיין צום פאָלק" וואָס טראַכט און לעבט זיך אויס אין מאַמע־לשון. שוין־זשע האָט מען פאַרגעסן, אַז גראַד דער טייל פון פאָלק באַלאַנגט צו די ראשונים, די ערשטע וואָס האָבן געבויט יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן אין די תפוצות און פלעגן עס אויך היינט מיט אַלע כוחות זייערע; אַז דאָס זענען די יידן, וואָס הגם זיי האָבן די עליה קיין ארץ־ישראל און מדינת ישראל פאַרביטן (נישט תמיד צוליב זייער שולד) אויף עמיגראַציע מעבר לים, האָבן זיי אָבער אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו זיין ציוניסטן און ישראל־פּאַטריאָטן וואָס אידענטיפירן זיך מיט אונדזער מדינה אָן באַוואָרענישן; אַז דאָס זענען די וואָס האָבן אויפגעשטעלט יידישע און העברעישע שולן אין בוענאָס־איירעס און אין מאָנטעראַל, געבויט אַ פּרעכטיקע „העבראַיקאַ" אין סאַן־פּאַולאָ, אַ ייוו"אָ אין ניו־יאָרק, אַ דאָקומענטאַציע־צענטער אין פּאַריז, אַן עלטערן־היים אין טאָראָנטאָ, צי די קולטור־אינסטיטוציעס אין לאָס־אַנזשעלעס.

זיי, די יידישע יידן, ווי מען דאַרף זיי פּאַקטיש רופן, הגם שוין נישט קיין יוגנטלעכע, זענען נאָך אַלץ דער קערנדיקער, שעפערישער און טרייער שבט פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט געבויט און האַלט אויף יידישן לעבן אויף אַן אָרגאַניזירטן און ציל־באַוווסטן אופן. טאָ פאַר וואָס זאָל מען זיי נישט שענקען די זעלבע אויפמערקזאַמקייט, ווי די אַנדערע טיילן פון אונדזער פאָלק?

אויך יידיש ווי אַ שפּראַך, איז נאָך אַלץ אַ וויכטיקע פונקציע און קאָמוניקאַציע־מיטל צווישן יענע שיכטן פון פאָלק, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אַ געזעלשאַפטלעכע שול אין דער אַלטער היים און האַלטן אויף יידיש אין זייערע איצטיקע וווין־ערטער. דעריבער קומט אויך

זיי אַ חלק — אין אויפמערקזאַמקייט, בודזשעטן און שליחים מצד אונדזערע נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן.

איין טענה האָב איך יאָ צו די דאָזיקע יידן: בעת אין גאַס, אויסערלעך, כלפּי די קריסט־לעכע שכנים — גרויסט מען זיך אַפילו מיטן אַפּשטאַם און מיט ישראל, האָט מען גראָד ביי זיך אין דער היים פאַרגעסן ווער מ׳איז געווען און ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן, באַזונדערס מיט די אייגענע קינדער, מיט וועלכע מען מיידט אויס צו רעדן יידיש.

## 4.

ס׳איז דען אַ ווונדער, אַז אַזעלכע עלטערן בלייבן דערנאָך שטיין, ווי ביי אַ צעבראָכענע קאַריטע, ווען זיי איבערציייגן זיך, אָבער שוין צו שפּעט, אַז מיטן דערווייטערן די קינדער פונעם מאַמע־לשון, דער עיקרדיקסטער מכשיר צו פאַרשטענדיקן זיך — דערווייטערן זיך די לעצטע אויך פון טאַטע־מאַמע, פון דער היים, און אַמאָל אויך — פון פאָלק. מ׳יר איז אויס־געקומען צו זען אין אַ סך יידישע הייזער די איבערגעריסענע קאָנטאַקטן צווישן טאַטע און זון, צווישן מאַמע און טאָכטער, נישט בלויז דערפאַר ווייל מען האָט אויפגעהערט רעדן יידיש, נאָר עס פעלט אויך צווישן זיי די „קאָמוניקאַציע״ אין ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש.

מען טאָר נישט אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף די עלטערן, שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז דאָס מיינט אויך — שיטן זאַלץ אויף די ווונדן... און די ווונד איז אַן אייטערדיקע, ממש אַן אומהיילבאַרע, אין אַ וועלט פון אַסימילאַציע, אינטעגראַציע און געמישטע חתונות.

אַזוי אין די הויפּט־שטעט, און אַזוי אויך, מיט מ׳ערער קראַפט — אויף דער פּראָווינץ.

האָבן זיך טאַקע געלאָזט הערן אַ סך תרעומות, הלמאי די פּראָווינץ־שטעט זענען פאַר־נאַכלעסיקט, זיי פיגורירן נישט כמעט אויף דער מאַפּע פון שליחים און לעקטאָרן וואָס קומען פון ישראל. אַ ייד פון קאָרדאָוואַ האָט מיר פאַרגעוואָרפן, אַז ווען עס האַלט ביי מגבית — געדענקט מען אין זיי. דאַקעגן נאָכן פאַרענדיקן דעם קאַמפּיין, געהערן זיי צו דער פאַרגע־סענער פּראָווינץ, וווּ מען וועגעטירט במילא אַ גאַנץ יאָר. גראָד זיי ווילט זיך הערן אַ יידיש וואָרט פון אַ ישראל־גאַסט, עס ווילט זיך אָפּנעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון דער מדינה, אויסהערן וועגן אירע פּראָבלעמען און ראַנגלענישן און, פאַרשטייט זיך, אויך אַליין עפּעס זאָגן. פאַרוואָס זיי ווערן דיסקרימינירט — נישט איך בין געווען בכוח (און באַרופן) צו ענטפערן.

## 5

אין אייניקע ערטער איז מ׳יר אויסגעקומען צו הערן האַרבע באַשולדיקונגען אויפן אַדרעס פון די שליחים — נאָר פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער: זיי האָבן אַרויסגעשטויסן (אָדער „באַגראָבן״ צי „ליקווידירט״) יידיש פון די שולן; אויב עס האַלט שלעכט מיט דער מערכה פון יידיש אין די תפוצות — זענען שולדיק די שליחים פון ישראל. נאָר זיי טראָגן די אַחריות פאַר דער ירידה פון יידיש, און ווי באַוווּסט, אָפּשוואַכונג פון מאַמע־לשון ברענגט מיט זיך אַן אַלגעמיינע ירידה אינעם נאַציאָנאַלן לעבן פון דעם געגעבענעם ישוב.

ס׳איז לייכט געווען צו פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע „טעאָריע״ וועגן שליחים־באַגרעבער פון יידיש האָט אויך אַן אחיזה אין געוויסע קרייזן און פערזאָנען אין ישראל; אַז אויך די דאָזיקע „תורה״ איז אַרויס פון ציון און דינט ווי אַן אַנטי־ישראל אַרגומענט מצד יענע יידן אין אויסלאַנד, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַפרייט פון זייער „אַלערגיע״ צום ציוניזם.

איך האָב אויפגעקלערט מיינע מיטשמועסערס, אַז אויף וויפל מיר זענען באַקאַנט אייניקע שליחים, זענען זיי נישט קיין אויבערמענטשן מיט מאַגישן כוח און איינפלוס אַנצוואַרפן

אויף אַ גאַנצן יידישן ישוב אַ לערן־פּראָגראַם אָדער שפּראַכן. אויך די פּעדאַגאָגן אויף די ערטער זענען נישט קיין מלופּם־קינדער וואָס לאָזן זיך דיקטירן. טאָ צו ווען קומען מיט די טענות, אויב נישט צו זיך אַליין? די ברירה איז דאָך געווען ביי דער אָנפירונג פון אָרטיקן ישוב אויף צו באַשטימען די „נאָרמע" פאַר יידיש, עברית און אַנדערע קעגנשטאַנדן.

אינטערעסאַנט, אַז די וואָס האָבן מיט אַזאַ אייפער באַשולדיקט די שליחים אין „חרוב מאַכן" יידיש אין זייער לאַנד, האָבן נישט געפונען קיין איין גוט וואָרט אויפן אַדרעס פון די זעלבע פאַרשטייער פון דער סוכנות, וואָס טוען אַ הייליקע, מסירות־נפשדיקע אַרבעט צו ראַטעווען יידישע קינדער און יוגנט פון דינען דער עבודה זרה, פון קעמפן פאַר פרעמדע אינ־טערעסן קעגן אייגענעם פאָלק און קעגן דער יידישער מדינה. ווייל דערציערישע אַרבעט אין גייסט פון ציוניזם און ישראל, איז די עפעקטיווע דאַמבע קעגן פאַרלייקענונג און אָפּגעפרעמד־קייט. ס'איז אָבער אויך באַוווסט, אַז נישט יעדער שליח איז געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך און טיילמאָל אָנגעווענדעט סאַברישע חוצפה, צי כנענישן פאַנאַטיזם אויף צו חוזקן פון יידיש. אַזעלכע שליחים מעג דער אָרטיקער ישוב ווייזן דעם וועג.

6.

ווען איך טרעף אין אויסלאַנד אַן אָנגעזעענעם ציוניסטישן מנהיג — פיל איך זיך אומבאַקוועם, צוליב יענעמס זעלבסטצופרידנקייט און הנאה, וואָס ער איז אַזוי שטאַרק פאַרטאָן אין די אַקטיוויטעטן פאַר אונדזער מדינה, אַז... ער האָט נישט קיין צייט עולה צו זיין.

אמת, אַזאַ ייד האָט זיך פאַרדינט פולע אָנערקענונג פאַר זיין אַנגאַזשירט, יומם ולילה, אין דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אינעם מגבית, אין דער אַרבעט פאַר קרן היסוד, קרן קיימת, וויצ"א, הסתדרות־קאַמפּיין — און וואָס נישט? די צרה באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס די אַלע אַמטן און אויפגאַבן באַטראַכטן זיי ווי אַ חזקה, עפּעס אַ געשאַנק פון הימל — און דעריבער בין איך אין ספק, צי זיי שטעלן זיך אַמאָל די פראַגע: עד מתי? ווי לאַנג וועל איך נאָך זיצן אין גלות און פּרעדיקן ציוניזם פאַר אַנדערע, און אַליין אים נישט רעאַליזירן?

די דאָזיקע פאַרזעסענע ציוניסטן אין די תפוצות הערן שוין נישט דאָס שושקען זיך אַרום זיי, הלמאי מען רירט זיך נישט פון בענקל און פון אָרט און מ'איז נישט עולה; זיי באַמערקן נישט די שפּאָטישע בליקן פון דער יוגנט, וועלכע איז באַזונדערס עמפּפינדלעך אויף דעם פונקט. איך מיין, אַז אַ מאָראַלישער דרוק מצד די ציוניסטישע אינסטאַנצן אין ירושלים, וואָלט באַדאַרפט געבן צו פאַרשטיין אַזאַ מנהיג, אַז מיט זיין עליה גיט ער קודם כל אַ פערזענלעכן ביישפּיל און דערמיט וועט ער אויך צולאָזן יונגע כוחות. דער אַקט פון עליה וועט אין אַ געוויסער מאָס זיין אַ רעהאַביליטאַציע נישט נאָר פאַר אים פערזענלעך, נאָר אויך פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און אידעאָלאָגיע.

7.

אַ מאָדנע פאָלק, די יידן! נישט גענוג וואָס מ'איז צעשפּליטערט אויף פּאַרטייען און גרופּן, ווירקן נאָך אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן די... לאַנדסמאַנשאַפטן. אַזוי אין ישראל, ווי אין די תפוצות, בילדן די אָפּשטאַמיקע פון איין שטאָט צי שטעטל אַ געשלאָסענעם קאָלעקטיוו, איינגעפאַסט אין אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער רעם, מיט אייגענע בודזשעטן און סטאַטוטן, כדי זיך „אויסצולאָדן" פון דער נאָסטאַלגיע, סענטימענטן און דערינערונגען פון דער אַלטער היים און גלייכצייטיק ציען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אַקטועלער־טעטיקייט צו העלפן דעם לאַנדס־מאַן, דעם אָרטיקן ישוב און פאַר אַלעמען — מדינת ישראל.

באַלד נאָך דער יום־כיפור מלחמה האָב איך אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" געפונען אַ גאַנצע זייט מיט נעמען פון לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אינעם

אויסערגעוויינטלעכן קאַמפּיין פאַר ישראל. געוועזענע איינוווינערס פון גרויסע שטעט און פּיצינקע שטעטעלעך פון דער ריזיקער מאַפּע פון יידישע ישובים אין פּוילן, רוסלאַנד און רומעניע פאַרן חורבן, האָבן מיט טרייסשאַפט און התלהבות ממש אויסגעליידיקט זייערע קאַסעס און דאָס געלט געשאָנקען פאַר צה״ל.

ביזן היינטיקן טאָג זענען די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין כמעט אַלע אָן אויסנאָם־תפוצות, אַ וויכטיקער פאַקטאָר אָנצוהאַלטן און אַקטיוויזירן דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן. מען באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט די יערלעכע אַזכרה־אַקטן און אויפשטעלן די מאָנומענטן לזכר די קדושים און די דורך די היטלעריסטישע רוצחים פאַרשניטענע יידישע קהילות. מען האָט געבויט און מען האַלט אויס פאַרשידענע אינסטיטוציעס, זייערע אָפטע צוזאַמענטרעפן ווערן פאַרוואַנדלט אין משפחהדיקע מסיבות, ווו איינער טוליעט זיך צום אַנדערן, נאָך דעם ווי מען איז געוואָרן אַזוי פאַריתומט און פאַראיינזאַמט. לאַנדסמאַנשאַפט סימבאַליזירט אפשר אויפן סאַמע בולטסטן אופן דעם ווילן פון די יידן אָנצוהאַלטן היסטאָרישע פאָלגלעכקייט און נאַציאָנאַלן המשך. דער בונד מיטן עבר שטערט נישט דער וואַכזאַמקייט צו דער קעגנוואַרט. די פאַרוואָרפענע בריק צווישן נעכטן און היינט וועט אָן שום ספק שטאַרקן דעם מאָרגן.

אָבער נישט שטענדיק פּילט מען אין די גלות־לענדער, אַז די יידן זענען אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיטן מאָרגן. מ׳איז גיכער אַריינגעטאָן אין די טאָג־טעגלעכע זאָרגן, מען לעבט חיי שעה, פאַראַן אָבער היינט אַ יידישע מדינה וואָס טאָג־איין טאָג־אויס דערמאָנט זי אונדזערע ברידער, אַפילו די אַסימיִלירטע און מאַטעריאַליזירטע, אַז מיר זענען דאָך איין פאָלק, מיט אַ בשותּפותדיקן גורל און אינטערעסן, אומאָפּהענגיק פון די געאָגראַפישע מרחקים.

**8.**

די דאָזיקע נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט יידישע יידן אין זיבן לענדער, האָט ביי געוויסע סיטואַציעס, שטימונגען און דערשיינונגען, אַרויסגערופן פאַרשידענע געמישטע געפילן: פרייד און באַדויער, הנאה און פאַרדרוס, שטוינונג און דערמוטיקונג. נאָר איבער דעם אַלעמען האָט דאָמינירט אַ טיפע איבערצייגונג, אַז אונדזערע יידן אין די תפוצות האָבן ליב מדינת ישראל און דאָס פאָלק ישראל. דאַרפן אויך מיר דאָ, אין דער יידישער מדינה, אַרויסווייזן זיי אַ סך ליבשאַפט, איינזען, מאָראַלישע שטיצן און סאָלידאַריטעט, לויטן באַוווּסטן כלל:

א וואָסער גוט מאָרגן — אַזאַ גוט יאָר...

(פאַ״צ י—ם, 8.75 ; ע״ה ת״א).

(א״וו פּאַריז, 5.9.75 ; 8.9.75).

# מיט היימישע יידן אין פּאַריז, ליאָן און קאַן

(איינדרוקן פון אַ גאַסט אויף אַ ווייל)

### וויטאַליטעט און סטאַגנאַציע

פראַנקרייך איז היינט־צו־טאָג דער פערטער יידישער צענטער אין דער וועלט — נאָך די פאַר׳ שטאַטן, ראַטן־פאַרבאַנד און ישראל. דאָס דאָזיקע לאַנד האָט פאַר דער מלחמה געציילט אַ 300 טויזנט יידן, בעת איצט האָט דער ציפער זיך דערנעטערט צו 600 טויזנט. פראַנקרייך איז דאָס איינציקע לאַנד אין אייראָפּע, ווו דער יידישער ישוב האָט זיך פאַרגרעסערט נאָכן חורבן, בעת אין אַנדערע לענדער אויף יענעם קאָנטינענט איז די יידישע מינדערהייט דער־גאַנגען צו נישטיקע צאָלן — סיי צוליב די היטלעריסטישע רציחות, סיי צוליב אייגנוויליקער אויסוואַנדערונג און גירושים מצד די קאָמוניסטישע רעזשימען.

די דעמאָגראַפישע ענדערונג פון יידישן ישוב אין פראַנקרייך איז פאָרגעקומען נאָך דער איינוואַנדערונג פון די צפון־אַפריקאַנער לענדער: פון אַלזשיר — 120 טויזנט פון יאָר 1969; פון טוניס — 27.000; פון מאַראָקאָ — 45 טויזנט. בעצם האָבן מיר דאָ אַ טרייע קאָפּיע פון דעם וואָס ס'איז געשען מיט די יידן פון קובאַ, דרום־אַפריקע, אַרגענטינע, צי אַלזשיריע, ווייל אויך פון די דערמאָנטע לענדער האָבן יידן, בשעת אַ נויט אָדער זאָרג פאַר דער צוקונפט, אויסגעביטן איין גלות אויפן אַנדערן און נאָר אַ קליינער פּראָצענט האָט עולה געווען קיין ישראל.

אויך בנוגע דער אינערלעכער לאַגע, איז פראַנקרייך שטאַרק ענלעך צו אַנדערע תפוצות. געמישטע חתונות — פון 35% ביז 40%; נישט מער ווי אַ 30% יידן צאָלן זייער באַשטייערונג פאַר די סינאַגאָגעס; אַן ענלעכע צאָל שפענדעט פאַרן מגבית; אויפן „תוכנית ירושלים", וואָס מיינט דעקלאַרירטע ציוניסטן, האָבן זיך אונטערגעשריבן בשעתו 45 טויזנט יידן, נאָר צו די לעצטע קאָנגרעס־וואַלן האָבן געשטימט 18 טויזנט.

דאָ נישט לאַנג האָט אַ פאָרשונג באַוויזן, אַז נאָר 57% האָבן זיך דעקלאַרירט ווי יידן; 11% — ווי יידן און איזראַעליטן; 32% — ווי איזראַעליטן (ד. ה. פראַנצויזן פון משה רבינוס גלויבן...).

אין די עטלעכע צענדליק חינוך־אַנשטאַלטן לערנען נישט מער ווי אַ 10% יידישע קינדער. די פאַרבליבענע 130 טויזנט קינדער זענען אָפּגעריסן פון יידישער דערציונג.

ווי אין רוב יידישע תפוצות, מערקט זיך אין פראַנקרייך אַ סטאַגנאַציע, אויב נישט — וועגעטאַציע פון יידישן לעבן, הגם די צווייטע זייט פון דער מטבע איז אויך — וויטאַליטעט, די אומאויפהערלעכע, אויפריכטיקע שטרעבונג ווייטער אָנצוגיין מיט אַ צילבאַוווסטן יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן, דורך פלעגן און אַנטוויקלען אַזעלכע אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן, ווי די קהילה־צענטערס, ציוניסטישע פּאַרטייען, „פאָנד־סאָציאַל", עליה־באַוועגונג, קאָמיטעט פון יידישע גימנאַזיסטן, סטודענטן־פאַרבאַנד, די לאַנדסמאַנשאַפטן, באַוועגונג פאַר ציוניסטישער באַנייונג און אחרון אחרון חביב — אַ פאַרשטאַרקטע טעטיקייט לטובת דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור. לעצטנס איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַ יידיש־געזעלשאַפטלעך טעאַטער אין פּאַריז. אמת, פון די דריי טאָגצייטונגען אין יידיש מיט אייניקע יאָרן צוריק, דערשיינען איצט נישט מער ווי אַנדערהאַלבן: די נאַציאָנאַלע צייטונג „אונדזער וואָרט" — 5 מאָל אַ וואָך; די רק"ח־אויסגאַבע „נייע פּרעסע" — 2—3 מאָל אין וואָך. אין גרעסטן און בכבודיקסטן קולטור־צענטער פון פראַנקרייך א. נ. פון פּאָמפּידו קומען פאָר חשובע סימפּאָזיומס וועגן יידיש. דאָרט האָט מען אויך אויפגענומען דעם נאָבעל־פּרייז טרעגער יצחק באַשעוויס־זינגער. בכלל איז צו פאַרצייכענען אַ באַדייטנדיקע דערוואַכונג פון יידיש־אַקטיוויטעטן אין פּאַריז, וואָס איז קודם כל צו פאַרדאַנקען דעם קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור.

ס'איז אויך אויסגעוואַקסן דער אינטערעס צו לערנען העברעיש. אַ 100 — אין די אוניווערסיטעטן; אַ 3000 אין די פאַרשידענע אולפּנים פון דער סוכנות. אויך וויצ"אָ מיט אירע 15 טויזנט מיטגלידערינס פירט אַ געבענטשטע טעטיקייט. אויסער דעם זענען אין פּאַריז און אויף דער פּראָווינץ טעטיק די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: השומר הצעיר, דרור, בני־עקיבא, בית"ר און אַנדערע.

כלפּי חוץ — אידענטיפיצירונג מיט ישראל און מיטן יידישן פאָלק. רעאַגירונגען אויף טעראָר־אַקטן אָדער אומרעכטן לגבי דער יידישער מדינה, צי וועלכן ס'איז אַנטיסעמיטישן אויסברוך אויף דער וועלט. נאָר ביי זיך, אין די אייגענע היימען, רעדט מען מיט די קינדער און אייניקלעך פראַנצויזיש. פון דאַנען איז שוין נישט ווייט דער וועג צו אַסימילאַציע און אַנדערע נעגאַטיווע דערשיינונגען פון גלות. נאָר אַ דאַנק מדינת ישראל איז דער דאָזיקער פּראָצעס געוואָרן פאַרלאַנגזאַמט. אַ כסדריק נאָכפאָלגן און מיטלעבן מיט אַלץ און אַלעמען וואָס קומט פאָר אין און אַרום דער יידישער מדינה, טוריסטישע באַזוכן, באַשטייערונגען און איינ־

וועסטיציעס אין ישראל, דערנענטערן אונדזערע יידן נישט נאָר צו דער מדינה, נאָר אויך צום פאָלק, זיין געשיכטע, טראַדיציעס, נאַציאָנאַלע ווערטן אדג״ל. נאָר וואָס שייך עליה — פליסט זי נאָך אַלץ טראָפּנווייז. די יידן דאָרט ווילן נאָך אַלץ נישט געניסן פונעם „חוק השבות״, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אין כנסת אין יאָר 1950 און דערמעגלעכט יעדן ייד צו באַזעצן זיך אין ישראל. דערפאַר אָבער זענען יידן אין פראַנקרייך תמיד גרייט צו דעמאָנסטרירן און פּראָטעסטירן קעגן באַגרענעצן די עליה פון יידן פון ראַטנפאַרבאַנד...

איין ייד, מיינער אַ פריינד, האָט דעם דאָזיקן „קאָמפּלעקס״ פאָרמולירט אויף אַזאַ אופן, ציטירנדיק דעם געוועזענעם פּרעמיער־מיניסטער פון פראַנקרייך, פּיער מענדעס־פראַנס, וואָס האָט דערקלערט אין די פופציקער יאָרן: „איך בין נישט קיין רעליגיעזער און היט נישט אָפּ קיין מצוות. דערפאַר אָבער ווייס איך, אַז כ׳בין אַ ייד און מיינע קינדער ווייסן דאָס ווי איך. איך בין איבערראַשט פון דער יידישער דערשיינונג. זי באַלעסטיקט מיך און באַאיינדרוקט גלייכצייטיק״...

זאָל דאָס זיין דער „אני מאמין״ פון אַ טייל יידן אין פראַנקרייך?

## מיזוג גלויות און... מחלוקתן אין ליאָן

בערך אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער ציילט די שטאָט ליאָן אין דרום־פראַנקרייך — אַ צענטער פון קולטור, האַנדל און אינדוסטריע. אַ דריטל פון דער זייד־פאַבריקאַציע פון פראַנקרייך געהערט דער דאָזיקער שטאָט, וועלכע פאַרמאָגט נאָך אייגענע הוטעס, אויטאָ־פאַבריקן, כעמישע אונטערנעמונגען, אַ פּאָרט.

די 30 טויזנט יידן אין ליאָן זענען נישט מער ווי אַ 8% פון דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג. 25 טויזנט שטאַמען פון צפון־אַפריקע; טערקישע יידן און אשכנזישע — צו צוויי און אַ האַלבן טויזנט. פון די לעצטע — אַ 1.500 פון דער שארית הפליטה, נאָך טויזנט — איינגעוואַנדערטע נאָכן חורבן. צו דעם דאָזיקן שבט זענען צוגעקומען אַ 200 יידן פון ראַטן־פאַר־באַנד, וואָס זענען אויפן וועג קיין ישראל „אויסגערונען״ געוואָרן אין ווין.

און וויפל יידישע שבטים — אַזוי פיל באַזונדערע קהילות. אין ליאָן זענען זיי פאַראַן דריי: אין דער אשכנזישער קהילה מיט אַן אייגענעם בית הקברות, סינאַגאָגע און תלמוד תורה, זענען רעגיסטרירט אַ 1,500 יידן. די ניי־אויסגעבויטע שיל פון די טערקישע יידן (פאַרן פּרייז פון ¼ מיליאָן דאָלאַר), דאַרף אין די וואָכן־טעג אויסהאַלטן אַ געצאָלטן מנין, אַבי ס׳זאָל הייסן אַז מען דאַוונט בציבור. און די יידן פון אַלזשיריע, מאַראָקאָ און טוניס מאַכן אויך שבת פאַר זיך. זיי זענען באַזונדערס עמפּינדלעך אויף דער כשרות פון פליייש. איז אַוועק אַ מחלוקת פון געאָסרטע און באַשטעטיקטע שוחטים מיט דיינים צווישן די דריי באַזונדערע קהילות — און דער קרבן פון די אַלע רייסערייען איז געווען דער אָרעמער (און גלויביקער!) ייד. און נאָך אַ מחלוקת גייט דאָרט אָן: ווער פון די קהילות זאָל באַלעבאַטעווען מיט די געלטער פון „פאָנד סאָסיאַל״?

די ציוניסטישע פעדעראַציע אין פראַנקרייך האָט איר פיליאַל אין ליאָן. פייערן די יידן אין שטאָט נישט נאָר די רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע יום־טובים, נאָר אויך דער יום העצמאות איז ביי זיי אַ גאָר וואַזשנע שמחה, אַרום וועלכער עס פאַראייניקן זיך אַלע יידישע שבטים. בעת אַלגעמיינע וואַלן צום פּאַרלאַמענט און מוניציפּאַליטעטן, זענען אַרטיקע יידן גרייט צו שטימען נאָר פאַר יענע נישט־יידישע קאַנדידאַטן, וואָס פאַרפליכטן זיך (שריפטלעך) צו שטיצן ישראל.

אָפענע אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן זענען נישטאָ אין ליאָן, הגם עס וווינען דאָרט אַ סך אַראַבער און פראַנצויזן, וואָס געדענקען די ממשלה פון מאַרשאַל פּעטען.

אין ליאָן האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט פון אַ באַזונדערן מיזוג גלויות, ווי ער איז

געקומען צום אויסדרוק אין דער אַרטיקער סינאַגאָגע, ווו מ׳האָט געפּירט אונטער דער חופּה מיינעם אַ קרוב. דער חתן־בחור — אַ ניצול געוואָרענער פון היטלערס רוצחישע לאַפּעס, צוזאַמען מיט די עלטערן, אַפּשטאַמיקע פון פּוילן, וואָס האָבן נאָך פאַר דער מלחמה אויסגעוואַנדערט קיין בעלגיע; די כלה — אַ טאָכטער פון יידישע טאַטע־מאַמע פון אַלזשיריע; דער חזן — הרב קאַפּעלמאַן פון רומעניע; דער רב, וואָס האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע אין פראַנצויזיש, שטאַמט פון מאַראָקאָ; דער גבאי — אַ ייד פון עלזאַס. נאָר מיך האָט געוווּנדערט, הלמאי די שילדלעך־אויפשריפטן מיט די נעמען פון די „שטעט"־אייגנטימערס אין דער סינאַגאָגע, זענען אין דער פראַנצייזישער שפּראַך.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער איז אין אַ האָטעל־זאַל פאָרגעקומען די חתונה־סעודה, מיט פלעשער „כרמל" ווין אויף די טישן, מיט אַן אָרקעסטער וואָס האָט געשפּילט „הבא נגילה", „הבאנו שלום עליכם", „ירושלים של זהב" און אַנדערע היימישע לידער פון דער אַלטער היים און נייעם לאַנד.

דער פאָטער פון דער כלה, אַ טאַטע פון אַכט קינדער, וואָס צוויי זענען שוין פאַרהייראַט און די דריטע האָט ער נאָר־וואָס געפירט אונטער דער חופּה, פאַרטרויט זיך פאַר מיר:

— איך און מיין פרוי, ווי אויך אונדזערע קינדער, זענען געבוירן און אויפגעוואַקסן אין אַלזשיר. נאָר גאָט זאָל מיר העלפן, אַז די כלות און חתנים פון די פאַרבליבענע פינף קינדער זאָלן שטאַמען פון יידישע עלטערן פון פּוילן. זיי זענען די בעסטע מענער און פרויען...

איך פרעג, מיט וואָס געפעלן אים נישט חתנים אָדער כלות פון די צפון־אַפריקאַנער לענדער, פון ענגלאַנד, אַמעריקע — און אַזעלכע קאָן ער געפינען בשפע אין ישראל. אַנטפּלעקט ער מיר אַ סוד, אַז ער מיט דער משפּחה האָבן געוווינט אין ישראל אַ יאָר, נאָר פאַרלאָזט דאָס לאַנד צוליב... מאַראָקאַנער יידן.

און איך האָב זיך געטראַכט: וואָסערע נאָך תירוצים וועלן אויסגעפינען די פאַרשידענע „יורדים", כדי באַרעכטיקן זייער פאַרלאָזן דאָס לאַנד?

## ...און נאָך פראַגן אָן ענטפערס

אַ שיינע און זויבערע ליגט זיך די שטאָט קאַן אויפן לאַזור־ברעג פון מיטללענדישן ים. נישט קיין וווּנדער, הלמאי אַזאַ אָרט איז די אכסניה פאַר אינטערנאַציאָנאַלע פילם־פעסטיוואַלן, קאָנגרעסן און קאָנפערענצן. אָבער אויך הונדערטער עלטערע יידן פון פראַנקרייך און בעלגיע איז שטאַרק ווילגעפעלן די דאָזיקע שטאָט, ווו מ׳האָט געקויפט און לייטיש איינגעאָרדנט אַן אייגענע דירה, אָדער מען צאָלט חודש־געלט צו וווינען אין „קאַלטן סעזאָן", כדי געניסן פון דער זון וואָס וואַרעמט, פון דער לופט וואָס באַרויִקט און פון ים מיט די בערג וואָס קוויקן דאָס אויג.

מיין פריינד וואָס שפּאַצירט מיט מיר אויף די גאַסן פון קאַן, צי אויף דער קרואַזעט („דעפּטאַק") און אַנדערע ערטער, אַנטציקט זיך, אַוודאי צום טויזנטסטן מאָל, מיט אַלץ און אַלעמען. אים גייט אין לעבן, אַז אויך מיין ווייניקייט זאָל זיך אַנשטעקן מיט זיין התלהבות פון דער באמת הערלעכער פּאַנאָראַמע, פון די מאָדערנע געביידעס, גראָז־פּלאַנטן, בלומען־אַלייען, פון דער ריינקייט און שיינקייט. קאָנסט מיינען, אַז דער ייד איז דאָ געבוירן, אויפגעוואַקסן, אָפּגעלעבט אין קאַן זיינע זעכציק יאָר פלוס. איך ווייס אָבער, אַז בסך־הכל איז ער נישט מער ווי אַ גאַסטראָלער, אַ ייד וואָס איז געקומען אַהער אויף אַ פּאָר חדשים, צו געניסן אין ווינטער פון אַ... זומער־וווינונג. צום פרילינג וועט ער זיך אומקערן קיין פּאַריז און דאָרט ממשיך זיין דעם לאַנגווייליקן לעבנס־רעזשים פון אַ פּענסיאָנער. דערנאָך, אין די הייסע חדשים יולי און אויגוסט, וועט מען ווידער פאַרלאָזן פראַנקרייכס הויפּט־שטאָט און אַוועק אין די בערג, אין דאָרף, צי אין דער שווייץ. און נאָך די יום־טובים, אויף דער שוועל פון קריסטלעכן ניי־יאָר — היידאַ קיין מאַנטאָן, ניס, קאַן, צי... שפּאַניע.

קלימאַטיש, איז די שטאָט קאַן אין ווינטער נישט אַנדערש ווי תל־אביב, חיפה, נהריה, רמת־גן אָדער נתניה. וואָס שייך אילת — איז נישט קיין פאַרגלייך! נאָר די אַלע ערטער זענען געאָגראַפיש אַ סך ווייטער פון פאַריז און בריסל. דאַקעגן עמאָציאָנעל, נאַציאָנאַל און סענטימענטאַל, איז מדינת ישראל פיל נענטער צום האַרצן די דערמאָנטע יידן, ווי די אַפּרו־ערטער אין דרום־פראַנקרייך.

— טאָ פאַרוואָס — פרעג איך — קומען נישט יידן פאַרברענגען זייער פרייע צייט אין אונדזער זוניקן לאַנד? דער ווינטער אין ישראל איז אַ מילדער, אַ וואַרעמער, פאַראַן טעג, ווען מ׳באָדט זיך אַפילו אין ים. דאָס וויכטיקסטע — מען געפינט זיך צווישן יידן און מ׳ברענגט אויך אַריין אויסלענדישע וואַלוטע אין דער יידישער מדינה. מעגלעך, אַז ביי אונדז מאַכט עס אויס אַ ביסל טייערער, טאָ אויך די אייגענע מעשה: וועט איר געבן ווייניקער פאַרן מגבית און אַזוי אַרום זיך „אויסשלאָגן״ די הוצאות...

די דאָזיקע פראַגע־טענה האָב איך געשטעלט אַ סך יידן אין פאַריז, אין בריסל, אין ניס, מאַנטאָן און קאַן. קיין איינהייטלעכן ענטפער האָב איך נישט באַקומען. נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלעמען — דער ווילן אויסצומיידן פון געבן אַ קלאָרע, אומצווײדייטיקע תשובה. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די אַלע יידן מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן, זענען דעקלאַרירטע ציוניסטן, טרייע פריינד פון דער מדינה, גוטע שפענדערס פאַרן ישראל־קאַמפּיין, קויפערס פון די „באָנדס״ און אונטערשטיצערס פון פאַרשידענע ישראלדיקע אינסטי־טוציעס און אָרגאַניזאַציעס. זיי באַזוכן פון צייט צו צייט אונדזער לאַנד, פאַרברענגען דאָ עטלעכע וואָכן, פאַרן אַפילו אַוועק צופרידענע, מיט אַ געפיל פון אַן אָפּגעצאָלטן חוב. נאָר אַז עס קומט צו פאַרברענגען דעם רעגולערן וואַקאַנס, פאָרן אויף דאַטשע זומער צי ווינטער, איז זיי פאַרט בילכער פראַנקרייך, שפּאַניע, אַמאָל אויך איטאַליע.

אָבער נישט בלויז אויף דער דערמאָנטער פראַגע האָב איך נישט באַקומען קיין צופרידנ־שטעלנדיקן ענטפער. אין פאַריז האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עטלעכע רייכע יידן, וואָס שטייען אַפילו בראש פון מגבית, אינוועסטירן אין קאַן און אין דער אומגעגנט מיליאָנען פראַנקן און בויען הייזער־בלאָקן מיט וווינונגען פאַר דאַטשע־יידן, וואָס וועלן קויפן אָדער זיך דינגען אַ דירה צו פאַרברענגען זייער פרייע צייט. אויך דאָ האָב איך געוואָגט פרעגן אַזאַ ייד אַ מיליאָנער, צי וואָלט נישט געווען מער יושרדיק אויפצובויען אין ישראל אַזעלכע הייזער, אין וועלכע יידן פון די תפוצות זאָלן קומען פאַרברענגען אָדער זיך אויסלעבן ביז די הונדערט־און־צוואַנציק יאָר, אַנשטאָט אין מיאַמי, קאַליפאָרניע, דרום־פראַנקרייך, ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, געניסן פון דער זון, לופט און וואַסער. די אַלע „אַרטיקלען״ פעלן נישט אויס אין ישראל.

דער ענטפער פון פאַריזער מיליאָנער איז געווען, אַז וואָס שייך ישראל, גיט ער גענוג געלט פאַרן מגבית, נאָר בנוגע אינוועסטיציעס „וויל איך בעסער האָבן צו טאָן מיט גויים, איידער מיט יידן״ — פאַרענדיקט ער מיט אַ צווייטייטיקן שמייכל. און מער וויל ער נישט ריידן אויף דער טעמע.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן קיין קאַן. דאָ איז געווען אַ מעגלעכקייט צו באַוווּנדערן איינע פון די שענסטע בילדער־אויסשטעלונגען וועלכע מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו זען. לאַנגע מינוטן האָט מען נישט געקענט אָפּרייסן דאָס אויג פון בילדער פון אַ דריי צענדליק קינסטלערס וואָס האָבן געהאַט מיט וואָס זיך צו באַווייזן. נאָר מאָדנע האָט אויסגעזען די „אַכסניה״ פון דער שטאָטישער קאַסינאָ, ווו האַזאַרד־שפּילן ברענגען טאָקע צו גרויסע געווינסן, אָבער אויך צו נישט קלענערע אומגליקן און טראַגעדיעס.

און נאָך אַן אויסשטעלונג אין קאַן — פון אַנטיקן. אין אַ גרויסן, 3־שטאָקיקן, בנין לאָזט מען דיר באַקוקן — און קויפן — פאַרשיידענע מעבל, בילדער, ספרים, קריגן, זייגערס, כלים,

גאַבעלינען, פיגורן, שרייבטישן, סקולפּטורן און אַנדערע זאַכן, וועלכע מענטשן האָבן באַנוצט מיט פינף, פיר, דריי און צוויי־הונדערט יאָר צוריק.

בעת אַ באַזוך אין דער שטאָט ניס, איז קודם כל — אַ וויזיט אינעם באַרימטן מוזיי פון מאַרק שאַגאַל, ווו אין אַ ספּעציעלער געבײַדע געפינען זיך די קרוין־שאַפונגען, בילדער און וויטראַזשן, פונעם יידישן מאָלער און גרויסן קינסטלער. אין רחבותדיקע צימערן, געפלעגט און קאָנסערווירט מיט די נייעסטע טעכנישע מיטלען, איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו קוויקן דאָס אויג מיט שאַגאַלס קונסט: בילדער פון תנ״ך און פון אַמאָליקן יידישן שטייגער. די העפלעכע אַנגעשטעלטע, אין מונדירן, זענען גרייט אין עטלעכע שפּראַכן צו דערקלערן דעם באַטייט פון יעדער לייוונט. נאָר אויף איין פראַגע מיינע וואָלטן זיי אַוודאי נישט געהאַט קיין ענטפער:

— הלמאי זאָל אַזאַ פּרעכטיקער מוזיי פון אַ יידישן קינסטלער, וועמענס פּענדזל באַשעפטיקט זיך דער עיקר מיט יידישער טעמאַטיק, זי געפינען אין ניס — און נישט אין מדינת ישראל ? !...

(פא״צ י—ם, מאַי—יוני 1979 ; י״ש ת״א, יוני 1979).

## אַ ייד אין ישראל צו אַ ייד אין דייטשלאַנד

יצחק ליפּינסקי וואָס וווינט אין פראַנקפורט, האָט אין די „לעצטע נייעס" פון 10.6.76 פאַרעפנטלעכט „אַ בריוו פון אַ ייד אין דייטשלאַנד צו יידן פון רוסלאַנד", אין וועלכן ער פּרעדיקט מוסר יענע עולים פון ראַטנפאַרבאַנד וואָס האָבן יורד געווען, אָדער האָבן בדעה דאָס צו טאָן און זיך באַזעצן אין דייטשלאַנד. אָן שום ספק, אַז י. ליפּינסקי האָט אויף זיך גענומען אַ נאַציאָנאַלע מיסיע אויפצוקלערן די קאַנדידאַטן אויף ירידה זיי זאָלן בעסער בלייבן אין ישראל, איידער זוכן גליקן אין דער פרעמד, דערצו נאָך — אין דייטשלאַנד. דערביי באַנוצט זיך דער מחבר מיט אַ ביסל ציפערן וועגן דער אַרבעטלאָזיקייט דאָרט — העכער אַ האַלבער מיליאָן, און אַ קנאַפּע פערטל מיליאָן זענען געצוווּנגען צו אַרבעטן אַ סך ווייניקער ווי 8 שעה, ווייל עס סטייעט נישט פאַר אַלעמען קיין באַשעפטיקונג. אויך דערציילט ליפּינסקי, אַז די אַרבעט־קאָנטראַקטן מיט די אויסלענדער ווערן בדרך־כלל נישט פאַרלענגערט און זיי דראָט די געפאַר צו ווערן צוריק געשיקט פונוואַנען מ׳איז געקומען. „אויב עמעצער דערציילט אייך אַז דייטש־לאַנד איז נאָך אַלץ אַ גאָלד־גרוב, טאָ זייט־זשע וויסן, אַז דאָס גאָלד האָט זיך שוין לאַנג אויס־געלאָזט און געבליבן איז דער גרוב..." און ער פאַרענדיקט דעם בריוו מיט אַ בקשה, זיי זאָלן בלייבן אין ישראל, ווו זיי זענען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער און „ווו מען זאָרגט פאַר אייך".

בעצם, וואָס קאָן נאָך זיין רירנדיקער, פּאַטריאָטישער, אַפילו — „ציוניסטישער", ווי דער דאָזיקער אַפּעל צו עולים־יורדים, אַפילו ווען ער קומט פון אַ ייד וואָס זיצט אין פראַנקפורט ? מיר אין ישראל ווייסן יאָ די אידענטיפיצירונג, סאָלידאַריטעט און ממש גרענעצלאָזע ליבע פון די יידן אין די תפוצות צו מדינת ישראל און כ׳נעם אָן, אַז יצחק ליפּינסקי איז אין דעם פאַל נישט קיין אויסנאַם. נאָר וואָלט ער זיך באַגנוגנט בלויז מיט די פריער ציטירטע אַרגומענטן וועגן דער לאַגע אין דייטשלאַנד — מילא. אָבער צווישן אַנדערן שרייבט ער אויך אין דער־מאָנטן בריוו:

> „ליידער, האָבן אַ סך פון אייך זייער שנעל פאַרגעסן דעם צוואַנג און דיסקרימינאַציע אין וועלכע איר האָט געלעבט. ס׳איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אייך דער שאָטן פון אייביקן פּחד און מורא פאַר דער צוקונפט און נאָך דעם ווי איר זענט אַרויס מעבדות לחירות. באַזעצט זיך אין יידישן לאַנד, זוכט איר נייע וועגן צו אַ ווייטערדיקער וואַנדערונג".

נאָכן איבערלייענען די דאָזיקע שורות, האָבן זיי צומערשט אַרויסגערופן אַ שמייכל, דערנאָך — פאַרדרוס, און שפּעטער — אַפילו ווייטיק. ווייל אויך היינט איז מיר נאָך שווער צו באַגרייפן:

וואָס טוען יידן אין דייטשלאַנד? מיט וואָס דערקלערט זיך אַ באַנייטער יידישער ישוב צווישן אַ פאָלק און אַ מדינה, וועלכע טראָגן די פאַקטישע, מאָראַלישע און היסטאָרישע אַחריות פון אומברענגען זעקס מיליאָן יידן? ווי אַזוי האָט אַ קרבן פון די היטלעריסטישע רדיפות אין געטאָ און אין די טויטלאַגערן געקענט איינאָרדענען זיין לעבן און דערציען קינדער צווישן רוצחים, לעבן מיט זיי אין שכנהשאַפט, האָבן טאָג־טעגלעכע באַציאונגען?

אַוודאי איז אוממעגלעך אַדורכצופירן אַ טאָטאַלן חרם אויף דעם דאָזיקן לאַנד. אָבער ווי לאַנג איז פון מאַי 1945, ווען דער שארית הפליטה איז נישט איינגעפאַלן צו באַטראַכטן דייטש־לאַנד ווי אַ מעגלעכע אכסניה גראַד פאַר די, וואָס האָבן געליטן פונעם נאַציזם. אויב ס'האָט נאָך געהאַט אַ זין צו זיצן אין די די. פּי.־לאַגערן, בכדי אויסאיבן אַ דרוק אויף דער ענגלישער מאַנדאַטאָרן־מאַכט וועלכע האָט נישט געלאָזט יידן קומען קיין ארץ־ישראל — טאָ וואָס באַרעכטיקט היינט, אין 27סטן יאָר פון מדינת ישראל, אַז יצחק ליפּינסקי און צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידן זאָלן זיך האָבן איינגעבירגערט אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד, פילן זיך דאָרט ווי אין דער היים און... אַפּעלירן צו אַנדערע זיי זאָלן נישט קומען ווינען אין דייטשלאַנד.

אמת, יידן אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן געלעבט — און לעבן נאָך איצט — אין צוואַנג און אין דיסקרימינאַציע. און אַפילו ליפּינסקי מעג זיי דערמאָנען וועגן דעם. אָבער, חלילה, אַז ער אַליין זאָל פאַרגעסן וועגן שוידערלעכן היטלער־רעזשים אונטער וועלכן ס'האָבן געלעבט יידן אין דייטשלאַנד.

די פראַגע איז, פאַר אַלעמען, אַ מאָראַלישע: צי אַ ייד וואָס ווינט אין פראַנקפורט, האָט אַ רעכט צו קומען מיט אַ טענה צו אַ יורד, הלמאי ער זוכט „נייע וועגן צו ווייטערדיקער וואַנ־דערונג". איך, צום באַדויערן, האָב נישט קיין אַנדערע באַצייכענונג, ווי — מאָראַלישע ירידה, וואָס אַ ייד אין דייטשלאַנד פּרעדיקט ציוניזם אַ סאָוויעטישן יידן. דאַקעגן לייגט זיך יאָ אויפן שכל, אַז אַ ייד פון ישראל זאָל זיך ווענדן צו די יידן אין דייטשלאַנד, אַז אויך זיי דאַרפן קומען אַהער — בלייבן אין ישראל „ווו איר זענט גלייכבאַרעכטיקטע בירגער און ווו מען זאָרגט פאַר אייך" (ציטירט פון יצחק ליפּינסקיס בריוו צו יידן פון רוסלאַנד).

פּ. ס.: מיך וווּנדערט, וואָס די „לעצטע נייעס" האָט אָפּגעדרוקט ליפּינסקיס בריוו אָן וועלכן ס'איז קאָמענטאַר, נאָר גראָד אים געגעבן אויף אַ בכבודיקן אָרט, אין אַ רעמל, ווי עס פּירט זיך אין אַ צייטונג, אַז מען וויל עפּעס אונטערשטרייכן, אָדער ציען די אויפמערקזאַמקייט פונעם לייענער.

(י"ש ת"א, יוני 76')

## יידן אין שוועדן, גזעזען מיט ישראלדיקע אויגן

וואָס, מ'שטיינסגעזאָגט, לאָזט זיך שוין זען, אָבסערווירן און ווערן באַאיינדרוקט פון אַ 30־טאָגיקן וויזיט אין אייראָפּע — פּאַריז, בריסל, קנאָק, קאָפּענהאַגן, מאַלמע, שטאָקהאָלם, געטעבאָרג און סלויס (האָלאַנד), ווי אויך פון וואַגאָן־פענצטער „כאַפּן אַ בליק" אין משך פון אַ סך שעהן, אויף דער צעבליטער, זאַטער און צופרידענער דייטשלאַנד?

### ווי אַ גאַסט אויף אַ ווייל

אַזוי ווי די נסיעה איז נישט געווען לשם טוריסטיק, נאָר אַ דאַנק דער פאַרבעטונג צו דער יובל־פייערונג פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך, און ווי דער גאַסט פונעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן און פון די קאָמיטעטן פאַר יידיש און יידישער קולטור אין אייניקע לענדער, איז מיר אויסגעקומען פון דער נאָענט אַריינצוזובליקן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון אונדזערע יידן, הערן זייערע מיינונגען, אַרויספילן שטימונגען און צום ווייפלטן מאָל זיך

איבערצייגן, אַז טראָץ די געאָגראַפישע מרחקים, איז מדינת ישראל נאָך אַלץ פאַר זיי אַ „פונקציע" פון ליבשאַפט, זאָרג, סאָלידאַריטעט און הילף — אויסער עליה, פאַרשטייט זיך.

דער „פאַרשטייט זיך", איז נישט קיין ענדגילטיקער, אַ קאַטעגאָרישער, אַ סאָרט מאָראַ־טאָריום עד ימות המשיח. ווייל בדרך כלל גיט דיר אַזאַ ייד אָנצוהערן, אַפילו ווען ער האָלט שוין נאָך די זיבעציק, אַז ער טראַכט נאָך אַלץ צו באַזעצן זיך אין ישראל... און אויף אַזאַ אָנצוגעהערעניש, ענטפער איך תמיד: „זאָל לעבן דער יידישער בטחון".

דערווייל זיצט מען אין פיין־איינגעאָרדענטע וווינונגען אין גלות, אָן דאגות פרנסה, די קינדער — אויסגעגעבן, הגם נישט תמיד לויטן רצון פון טאַטע־מאַמע, און מיט די אייניקלעך איז דאָך סתם אַ נחת צו פאַרברענגען, אַפילו ווען מ'רעדט נישט מיט זיי קיין יידיש. איז טאַקע דער אויסערלעכער איינדרוק אַ צופרידנשטעלנדיקער — און זיי קומט איצט אַ בעסער לעבן. יידן מיט אַ „יחוס־בריוו" פון דער איבערגעלעבטער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן זיך כשר און ערלעך פאַרדינט אַ ביסל נחת און פרייד.

פון דעסטוועגן איז אויך דאָ גילטיק דער זאָג „מיר דאַכט זיך, אַז ביי יענעם לאַכט זיך", ווייל נישט תמיד לאַכט זיך דאָרט. גליק איז ניט זייער שטענדיקער באַגלייטער, ווייל עס פעלט נישט אויך אַ היפּשע דאָזע ציטער, טרויער, אומרו, ספיקות און אומזיכערקייט — סיי בנוגע ישראל, ווי בנוגע די לאַגע אין זייערע וווין־לענדער. און לרוב — אָנגעווייטיקטע פאַמיליע־פּראָבלעמען. ווי אַ גאַסט אויף אַ ווייל, לאָמיר פּרובירן דערציילן געוויסע איינדרוקן און מסקנות פון קאָנטאַקטן מיט אונדזערע יידן אין עטלעכע אייראָפּעישע לענדער.

## „קינדער פון קיבוץ — קינדער פון דער ישראלדיקער גרויס־בורזשואַזיע"

איך מיין, אַז נאָר אין זכות פון דער הערשנדיקער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע אין שוועדן, זענען די 8 מיליאָן איינוווינערס אַ סך ליבעראַלער, טאָלעראַנטער און צוגעלאָזענער צו זייערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל, און צו די 20 טויזנט יידן דאָרט בפרט, ווי אינעם רוב קאַטוילישע לענדער. די אינדוסטריע אין יענעם לאַנד, טעכנאָלאָגיע און אַגרי־קולטור, זענען דערגאַנגען צו הויכע רעקאָרדן. 55% פון שוועדנס שטח באַלאַנגט צו וועלדער, אָזיערעס און ים.

טאַקע אַ מאָנאַרכיע, אָבער אַ קאָנסטיטוציאָנעלע, מיט אַלע דעמאָקראַטישע פרייהייטן. הלוואי זאָל מען זוכה זיין צו אַזעלכע פרייהייטן אין אַזעלכע אַנטי־מאָנאַרכיסטישע רעזשימען, ווי דער ראַטן־פאַרבאַנד, איראַן, ליביע, קובאַ, סיריע און וויעטנאַם. אין שוועדן זיצט אויפן טראָן אַ מלך צי מלכה, נאָר שוין צענדליקער יאָרן ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז ביי דער מאַכט. אין די לעצטע 300 יאָר און מערער, האָט דאָס לאַנד נישט געפירט (און נישט געפילט) קיין מלחמה. דערפאַר דאָרט אַזאַ ווילשטאַנד און לעבנס־סטאַנדאַרט, איינער פון די העכסטע, הגם טייערסטע, אין אייראָפּע.

ווי נאָר כ'בין אָנגעקומען קיין שטאָקהאָלם, איז איינע פון די ערשטע פראַגן פון די מיך אָפּוואַרטנדיקע יידן געווען, צי כ'האָב געזען אין דער שוועדישער טעלעוויזיע די סעריע פון אַ געוויסן עריקסאָן וועגן נאָענטן מזרח. „וואָס איז דאָרט געווען צו זען?" — ענטפער איך מיט אַ שאלה. דערציילט איינער, אַז מ'האָט געוויזן אַ גרופּע קינדער פון אַ קיבוץ, וועלכע דער ספיקער האָט פאָרגעשטעלט ווי „קינדער פון דער גרויס־ישראלדיקער בורזשואַזיע" — און באַלד דערנאָך זיי „קאָנפראָנטירט" מיט קינדער פון די פּליטים־לאַגערן אין עזה־ראַיאָן, יהודה און שומרון. מ'יינע גאַסטגעבערס פאַרדריסט שטאַרק, הלמאי מען פאַרקריפּלט אַזוי די ישראלדיקע ווירקלעכקייט, באַזונדערס — דעם קיבוץ, און ווו איז די קאָנטער־אָפּענסיווע פון דער ישראלדיקער אויפקלערונג? ווו זענען אונדזערע פילמען און טעלעוויזיע־סעריעס?

איך פיל, אַז מיין שטאַמלדיקער ענטפער האָט זיי נישט איבערצייגט. נישט איינמאָל האָבן זיי זיך אומגעקערט צו דער טעמע.

דערציילט מיר יעקב גאָלדשטיין, פּאַרזיצער פון פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין שוועדן:
דער היגער יידישער ישוב ציילט 18—20 טויזנט יידן, וואָס 2/3 פון זיי וווינען אין דער הויפּטשטאָט. אויסער די אַלט־איינגעזעסענע שוועדישע יידן, איז דער ישוב צונויפגעשטעלט פון דריי אימיגראַציעס פון פּוילן:

א) אין די יאָרן 1946/47.

ב) אין די יאָרן 1956/57.

ג) אין די יאָרן 1968/69.

די לעצטע צוויי איינוואַנדערונגען באַלאַנגען צום עקזאָדוס פּוילן, אַדורכגעפירט דורך די סאָציאַליסטישע אַנטיסעמיטן און מאָסקוועס אונטערטאַנען, ווי גאָמולקאַ, מאָטשאַר, גיערעק א״א.

דער פאַרבאַנד, געגרינדעט אין יאָר 1943—44, איז גרייט צו העלפן אַ יידישן פּליט פון מזרח־אייראָפּע, אויב ער וויל בלייבן אין שוועדן. דאָקעגן אַ יורד פון ישראל, וועט דאַרפן זאָרגן פאַר זיך אַליין. דעם אמת געזאָגט, איז די שוועדישע רעגירונג ניט געווען אַזוי נוטה אַריינצולאָזן יידן פון פּוילן אין די יאָרן 1968—1969. אויך די „מאָזאַיסקאַ״, די יידישע קהילה, איז ניט געווען איינגעשטעלט אויפצונעמען די גירוש־יידן. אַ דאַנק די געהעריקע אינטער־ווענצן פון פאַרבאַנד, איז געלונגען אַדורכצוזעצן באַשלוסן נישט נאָר וועגן אַן אָפענער גרענעץ, נאָר אויך וועגן ממשותדיקער הילף די יידן זיך איינצואָרדענען, גאַראַנטירן (מיט קויציעס) פאַרן דירה־געלט און דערמעגלעכן די קינדער צו לערנען.

די קאַרטאָטעקע פונעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין שוועדן ציילט נישט מער ווי אַ 600 אַדרעסן. מ׳גיט אַרויס פון צייט צו צייט אַן אייגענעם זשורנאַל, וואָס ביז איצט זענען שוין דערשינען אַ 20 נומערן. יעדעס יאָר, בשותפות מיט נאָך יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווערט אַדורכגעפירט אַן אַלגעמיינע געטאָ־פייערונג. מיינע גאַסטגעבערס דערציילן, אַז צו דער געטאָ־אַקאַדעמיע האָבן זיי פאַרבעטן אַלס הויפּט־רעדנער דעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין שוועדן, וואָס האָט אָבער געשטעלט צוויי באַדינגונגען:

א) די אַקאַדעמיע זאָל פאָרקומען אין כ״ז ניסן, נישט דעם 19טן אַפּריל.

ב׳ ער איז גרייט צו רעדן עברית, שוועדיש, ענגליש — אָבער נישט יידיש. (הגם ער קאָן די דאָזיקע שפּראַך, פאַרזיכערן מיינע פריינד). האָבן זיי מיט שטוינונג און פאַרדרוס אָפּגעוואָרפן די פאָדערונגען — און דעם אָנדענק־טאָג פון העלדישן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע אַדורכגעפירט מיט אייגענע כוחות.

העניק באַנקער, אַ ייד אין די יאָרן, נאָר אויך באַלאָדן מיט אַזעלכע וויטאַליקע אַמטן (אויסער פיל אַנדערע), ווי פאַרזיצער פון דער ישראל־שוועדישער האַנדלס־קאַמער און פאַר־זיצער פון קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור, אינפאָרמירט מיך, אַז פאַר די 3 יאָר עקזיסטענץ פון קאָמיטעט, זענען פאַרשריבן אַ 200 מיטגלידער. מ׳האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צייטונג (בעצם — אַ ביולעטין), געגרינדעט אַ דראַמקרייז, אויפגענומען שרייבערס און קינסט־לערס פון ישראל און פון אַנדערע לענדער, אַפילו זיך באַשעפטיקט מיט... סאָציאַלער הילף. „נאָר צונויפנעמען עטלעכע יידן און אַ פּאָר קראָן — קומט אָן שווער און ביטער״ — פאַרקלאָגט זיך פריינד באַנקער. „אין שוועדן זענען אוודאי פאַראַן אַ 3—4 טויזנט יידיש־ריידנדיקע יידן, נאָר זיי זענען נישט גרייט צו גיין אויף באַריקאַדן פאַרן ווּקס פון יידיש, איר קולטור און ליטעראַטור״.

אינעם שיינעם, גרויסן סינאַגאָגע־זאַל אין שטאָקהאָלם, בעת מיין רעפעראַט וועגן דער אינערלעכער און אויסערלעכער לאַגע פון מדינת ישראל, געפעלט נישט איין ייד מיין פעסטש־טעלונג, אַז דער ענין פון נייע זידלונגען אויף די פאַרנומענע געביטן, דאַרף באַשטימט ווערן אויסשליסלעך דורך דער רעגירונג — און נישט דורך אַ מיליטאַנטישער גרופּע ווי גוש

אמונים, אַפילו ווען איר מאָטיוואַציע איז אַ נאַציאָנאַלע און אידעישע. ער פרעגט, הלמאי די יוגנטלעכע וואָס קומען אַרבעטן פרייוויליק אין ישראל, שיקט מען נאָר אין די קיבוצים, און נישט אין די התנחלויות, מחוץ דער „גרינער ליניע". די פראַגע גיט מיר אַ געלעגנהייט צו דער־ציילן דעם פאַרזאַמלטן עולם, אַז איז לעצטן יאָר האָבן אין 185 קיבוצים זיך געפונען 5,062 פרייוויליקע. פון זיי — 1729 יידן און 2,633 ניט־יידן. און איך פרעג: ווו זענען אונדזערע יידישע קינדער? פאַר וואָס אַזאַ איבערגעוויכט פון ניט־יידישע יוגנטלעכע? וואָס שייך דער פאַרטיילונג אויף די ערטער — ענטפער איך דעם צווישנרופער — איז די סוכנות דער באַרו־פענער בעל־הבית צו באַשטימען וויפל און פאַר וועלכע קיבוצישע באַוועגונגען צוטיילן דעם קאָנטיגענט פרייוויליקע. איך אַפעליר צו די יידן, אויב זיי קאָנען נישט, אָדער ווילן נאָך נישט עולה זיין, זאָלן זיי כאָטש ווירקן (אויב דאָס גייט צו מאַכן) אויף זייערע קינדער צו קומען קיין ישראל אויף אַ געוויסע צייט, צו באַקענען זיך מיטן לאַנד, און גאַנץ באַזונדערס — מיטן קיבוץ.

## „אין אַ קאַלטן סאַלאָן"

מיין בן־עיר, אַ לאַנגיאָריקער, איבערגעגעבענער קאָמוניסט, וואָס פאַר מיין עולה־זיין קיין ישראל אין יאָר 1948, האָט ער בעת אונדזער געזעגענונג אין וואַרשע מיך פאַרזיכערט, אַז „אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן וועל איך זיך בעסער אויסלעבן אַלס ייד, ווי דו אין דער יידישער מדינה", פירט מיך אַרום איבער שוועדנס הויפטשטאָט, די „ווענעדיק פון צפון", ווי ער רופט זי ביי יעדער געלעגנהייט, אַנטציקט זיך מיט איר שיינקייט, ריינקייט און רחבות־דיקייט און וויל אויך מיך אַנשטעקן מיט דער התלהבות. בעצם, האָט אים די שטאָט אויפגע־נומען גאַסטפריינטלעך, באַזאָרגט אים און די פאַמיליע מיט אַרבעט, אַ וווינונג — דאָך פילט ער דעם חלל אַרום. ער ציטירט אַ שרייבערין, וואָס האָט איר לאַנד, שוועדן, כאַראַקטעריזירט אויף אַזאַ אופן: „איך ליג אין אַ לוקסוס־וואַנע, נאָר דאָס וואַסער איז אייז־קאַלט".

ער אַרבעט איצט אין אוניווערסיטעט אַלס ביבליאָטעקאַר־אַרכיוויסט. קיין פרנסה פעלט נישט. די קינדער — אויסגעגעבן. אויך די פרוי האָט אַ גוטן פאָסטן, דאָך איז ער זיך מודה, אַז פאַר די 12 יאָר פון זייער וווינען אין שוועדן, איז תמיד פאַראַן דאָס געפיל, אַז מ׳געפינט זיך „אין אַ קאַלטן סאַלאָן". איך שטויס זיך אָן, אַז אים באַגלייט נאָך אַלץ די קעלט — און טראַומע — פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן, וואָס האָט אירע בעסטע און טרייעסטע זין פאַרטריבן פון לאַנד. מיין פריינד שטעלן זיך טרערן אין די אויגן, ווען ער דערמאָנט יענע פינצטערע טעג אין פוילנס הויפטשטאָט, די „אָפענע פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען" מיט פרעפּאַריר־טע באַשולדיקונגען לגבי אומשולדיקע מענטשן און די וויסטע אַנטיסעמיטישע און אַנטי־ישראלדיקע העצע אין דער פרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע.

ביים געזעגענען זיך, וועל איך איצט שוין נישט הערן פון אים, אַז אַפילו אין דער טאָלעראַנטער, ליבעראַלער און דעמאָקראַטישער שוועדן, וועט ער אַלס ייד זיך פילן בעסער ווי איך אין ישראל. „אגב", דערמאָנט ער זיך אין דער לעצטער מינוט, „האָט מען אין דער פוילישער אַרמיי געקנעלט מיט די סאָלדאַטן, לויטן לערן־פּראָגראַם, די פּראַטאָקאָלן פון די זקני ציון... דאָס איז געשען אין די זעכציקער יאָרן. ווער ווייס צי היינט באַנוצן זיי זיך נישט מיט שטרייכערס 'שטירמער' "?...

## אין געטעבאָרג

די צווייט־גרעסטע שטאָט אין שוועדן און דער גרעסטער פּאָרט אין סקאַנדינאַוויע, איז געטעבאָרג, וועלכע פאַרמאָגט אַן אייגן שטאָטיש טעאַטער, מוזעומס, קונסט־האַלע, קאָנצערט־זאַלן, אַ נייע, גרויסע ביבליאָטעק־געביידע, האַנדלס־צענטער און אַנדערע באַקוועמע איינריכ־טונגען — הלוואי אויף אונדז געזאָגט!

אין חודש מאַי 1980 זענען דאָרט פאַרגעקומען פייערונגען לכבוד 200 יאָר יידישע קהילה, מיטן אָנטייל פון געסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פראַנקרייך. אין דער „מאַזאַיסקאַ" זענען רעגיסטרירט אַ 1,500 מיטגלידער, נאָר דעם קהילה־שטייער צאָלן נישט מער ווי אַ 500, ווייל דער „עטאַט" איז קנאַפּע 2% פון ברוטאָ־פאַרדינסט. אָבער נאָכן טויט, אַז די משפחה וויל אַזאַ נישטצאָלנדיקן ייד קובר זיין אויפן יידישן בית־עלמין, פאָדערט מען אַ פּרייז, כדי זיך „אויסשלאָגן די הוצאות" פאַרן נישט וועלן צאָלן ביים לעבן...

פונעם לעצטן גירוש פּוילן, האָבן אין געטעבאָרג זיך באַזעצט אַ 30 יידישע פאַמיליעס. גראָד דער יונגער דור איז שטאַרק אַקטיוו אינעם יידישן לעבן, אַ סך אַקטיווער ווי זייערע עלטערן. דער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פון דער יידישער יוגנט פון פּוילן, וואָס באַשטייט דער עיקר פון סטודענטן, האָט אַדורכגעפירט אַ יום העצמאות־פייערונג, אַ געטאָ־אַקאַדעמיע, גיט אַרויס אַ פיין רעדאַגירטע אויסגאַבע אין דער יידישער, פּוילישער און שוועדישער שפּראַך און זאָרגט אויך פאַר מאַטעריעלער און לימודישער הילף פאַר אירע מיטגלידער.

די רעגירונג און מוניציפּאַליטעט שטיצן די קהילה, וואָס באַלעבאַטעוועט איבער אַן אָרטאָ־דאָקסישער און קאָנסערוואַטיווער שילן, צוויי בתי־עלמינס און אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס. אַ שבת פאַרמיטאָג נעמט מיך מיין גאַסטגעבער, דער געזעלשאַפטלעכער טוער יצחק שניידמאַן, אין דער קאָנסערוואַטיווער סינאַגאָגע, ווו עס דאַווענען אַ 30 מענער און אַ 20 פרויען. דער חזן, אַ יונגערמאַן פון אונגאַרן, קאָן גוט די מלאכה פון „דאַווענען פאַרן עמוד". נאָך דער תפילה דריקט אים דער עולם די האַנט מיט אַן אויפריכטיקן „יישר כוח". דערנאָך — אַ „קידוש" פאַר אַ ייד צו זיין 70סטן געבוירנטאָג. די פאַרזיצערין פון דער אָרטיקער „מאַזאַיסקאַ", פרוי נעמי טאַנקוס, באַגריסט דעם בעל־שמחה אין דער שוועדישער שפּראַך, נאָר זייער אָפּט חזרן זיך איבער אין דער באַגריסונג אַזעלכע ניט־שוועדישע אויסדרוקן, ווי: ירושלים, ישראל, מזל־טוב.

ביים אַריינגאַנג אין הויז פון דער קהילה, הענגען מעלדונגען פון אַרטיקן וויצ"אָ, „הכוח", און פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וועלכער פאַרבעט די יידישע יוגנט אין געטע־באָרג צו קומען אין די פעריען לערנען אין ישראל יידישע געשיכטע, אַרכעאָלאָגיע, תנ"ך, פּראָבלעמען פון לאַנד, די העברעישע און אַראַבישע שפּראַכן. איך פרעג דעם סעקרעטאַר פון דער „מאַזאַיסקאַ", וויפל יוגנטלעכע האָבן זיך שוין פאַרשריבן קיין ירושלים. זיין ענטפער, אַז ביז איצט — קיין איינער, ווייל דער פּלאַקאַט איז אויפגעהאַנגען געוואָרן ערשט מיט 2 וואָכן פריער.

זונטיק, אַרום 10 פרי, אויף איינער פון די צענטראַלע גאַסן אין געטעבאָרג, שפּילט אַ 6־פּערזאָניקער אָרקעסטער. מיין פריינד קלערט מיר אויף, אַז דאָס זענען פרומע קאַטאָליקן, „די אַרמיי פון דערלייזער". אין נאָמען פון ישו הנוצרי זינגט מען און מ׳ע שפּילט אין די גאַסן, מ׳טיילט בראָשורן און מ׳זאַמלט געלט פאַר דער קריסטלעכער קירכע — אַ מינהג פון מיטלאַלטער, וואָס ווערט אָפּגעהיטן אין געטעבאָרג אין משך פון דורות. „אָבער יידן גיבן געלט פאַר ישראל אַן אָרקעסטער און אָן רעליגיעזן רעקוויזיט" — פאַרענדיקט מיין באַגלייטער.

אַז ס׳איז טאָקע אַזוי — האָב איך זיך איבערצייגט בעת מיין באַזוך אין מאַלמע.

## אין מאַלמע

די איבעראַל באַקאַנטע „וויזיט־קאַרטע" פון מאַלמע איז: „די גרינע שטאָט". אויב אין איר פּילדאַמספּאַרק, דער גרעסטער אין שוועדן, געפינען זיך 200,000 ביימער; אויב אַפילו די שטאָטישע אויטאָבוסן זענען געפאַרבט אויף גרין; אויב אויף די גאַסן זעט מען סקווערן, גראָז־פּלאַנטן און ביימער — איז דער נאָמען אַ באַרעכטיקטער. צו דעם אַלעמען, איז עס אַ פריינד־לעכע, געמיטלעכע שטאָט, מיט די שענסטע דענקמעלער פון שוועדנס געשיכטע, אַ סך אַלטער־

טימלעכקייטן, ווי דער ראַטהויז פֿון יאָר 1446, דער קליינער מאַרק פֿון יאָר 1591, אַ קירכע און אַ שלאָס פֿון מיטלאַלטער, אַ ריזיקער מוזיי, אַ שטאַרק אַנטוויקלטע אינדוסטריע, האַנדל און גרויסער פּאַרט. די באַפֿעלקערונג דערגרייט צו אַ 400,000, דערפֿון רעגיסטרירט אין דער „מאָזאַיסקאַ" — אַ 2 טויזנט. אויך דאָרט זענען פֿאַראַן איינגעזעסענע פֿון אַנהייב איצטיקן יאָרהונדערט; פּליכטלינגען פֿון יאָר 1945 און אַרויסגעטריבענע פֿון פּוילן אין די יאָרן 68—1969.

די לעצטע האָט די שוועדישע רעגירונג באַזאָרגט מיט וווינונגען אינעם קוואַרטאַל ראָזענגאַרט, וואָס איז שנעל באַקאַנט געוואָרן מיטן נאָמען „גאָמולקאָוואָ" (אויפֿן נאָמען פֿון וויעסלאַוו גאָמולקאַ). די יידן פֿון פּוילן זענען לרוב באַשעפֿטיקט אין ביבליאָטעקן, אַרכיוון, אוניווערסיטעטן און אַמטן. זיי פֿאַרדינען ניט שלעכט.

אין מאַלמע האָב איך אַ גוטן באַגלייטער: אריה זאַלצבערג, באַקאַנטער עסקן און אַקטיווער מגבית־טוער. אין לעצטן יאָר איז דאָרט געזאַמלט געוואָרן אַ פֿערטל מיליאָן קראָן (אַ 60 טויזנט דאָלאַר). יידן שטיצן ישראל, הגם עס פֿעלן אויך נישט אַזעלכע וואָס דרייען זיך דערפֿון אַרויס, אָדער דינגען זיך פֿלייסיק — און גראָד די וואָס דאַרפֿן עס נישט טאָן.

מיין פֿריינד פֿירט מיך אַוועק אין דער קהילה, ווּ עס נעמט מיך אויף דער יונגער, סימפּאַטישער אַמבודסמאַן אולאַף דאַנאָווסקי. פֿון אים באַקום איך אַ פֿיין געדרוקטן לוח פֿון דער „כאָזאַיסקאַ פֿערזאַמלינגען אין מאַלמע", מיט אַ גענויער אינפֿאָרמאַציע וועגן יידישן לעבן אין שטאָט: די קהילה ציילט אַ 2 טויזנט מיטגלידער. אין אָקטאָבער 1979 זענען פֿאָרגעקומען וואַלן. פֿון 1,078 וואַל־באַרעכטיקטע, האָבן געשטימט נאָר 455 (42%). די 8־פּערזאָניקע עקזעקוטיווע איז אין דער מערהייט אַ פּראָ־ציוניסטישע.

די „מאָזאַיסקאַ" ווערט געשטיצט פֿון דער רעגירונג. די קהילה־צענטערס פֿאַר דער יוגנט זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן מיט דער הילף פֿון דזשאָינט. אַ חזן האָט מען געבראַכט פֿון ישראל. די מקווה פֿונקציאָנירט נישט, עס פֿעלן בעלנים זי צו נוצן.

דאַנאָווסקי פֿירט מיך איבערן 3־שטאָקיקן בנין פֿון דער קהילה, ווּ עס געפֿינען זיך אויך צוויי קינדערגערטנער מיט 55 קינדער. דער רוב פּרעבליסטינס — נישט קיין יידישע. נאָר צו יודאַיסטיק־לימודים זענען פֿאַראַן צוויי יידישע דערציערס. די ווענט פֿון די קלאַסן זענען באַצירט מיט אויפֿשריפֿטן אין העברעיש און צייכענונגען פֿון ירושלים און ישראלדיקע פּייזאַזשן.

פֿאַראַן צוויי אָרגאַניזאַציעס פֿון פּוילישע יידן: 1) פֿאַריין פֿון 1945 געראַטעוועטע יידן. 2) פֿאַריין פֿון יידן אין פּוילן. אַ סברה, אַז די „געאָגראַפֿיע" (צוליב דער וויטקייט פֿון איין פֿאַריין ביזן צווייטן) און „ביאָלאָגיע" (צוליבן עלטער־אונטערשיד), שטערן דער פֿאַרייניקונג פֿון ביידע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אַזוי ענלעך סיי אין די נעמען, סיי אין די אויפֿגאַבן. פֿון דעסטוועגן טראַכט נישט „גאָמולקאָוואָ" צו פֿאַרייניקן זיך מיט די פֿריער געקומענע, פּונקט ווי די לעצטע איילן זיך נישט צו אַ זיווג, הגם אַ גאַנצע ריי אונטערנעמונגען האָט מען אַדורכגעפֿירט בשותּפֿות: אַ געטאָ־אַקאַדעמיע (200 באַטייליקטע), יום־העצמאות־פֿייערונג (150), אַ חנוכּה־מסיבה און פּורים־פֿאַרוויילונג.

אין פֿענסיאָנערן־קלוב ווערט געלערנט יידישע געשיכטע און מ׳באַהאַנדלט אויך אַקטועלע געשעענישן, פֿאַרשטייט זיך — אין און אַרום ישראל.

אין דער איינציקער קאָנסערוואַטיווער סינאַגאָגע איז שווער אין וואָכנס־טעג צונויפֿצושטעלן אַ מנין. דער אָרטיקער רב — אַ בחור פֿון שוועדן, וואָס האָט געענדיקט די ישיבה פֿון הרב קוק אין ירושלים. די קהילה שטיצט די אָרטיקע „בני עקיבא" און וויצ״אָ, וואָס פֿירן אַ גוטע אַרבעט.

— איז געווען עפּעס אַן עליה פֿון מאַלמע? — פֿרעג איך.

— יאָ, אָבער אַ קליינע. נאָר אויך פֿון די האָבן עטלעכע זיך אומגעקערט, מיט די געוויינלעכע טענות אויפֿן אַדרעס פֿון ישראל.

אויך איך האָב טענות אויפן אַדרעס פון די יידן אין שוועדן. מיר איז שווער צו פאַרשטיין, הלמאי עס ווערט אָנגעהאַלטן די דיסטאַנס און היעראַרכיע צווישן די יידן פון דער מאָזאַיסקאַ און די יידן פון פוילן. וואָס שייך די לעצטע, ווי דערמאָנט, איז מען אויך צעשפּליטערט אין צוויי פאַריינען. אַ גליק, וואָס מדינת ישראל ברענגט זיי צונויף ביי איין טיש, צו באַהאַנדלען איין טעמע און צו קומען אויך צו בשותּפותדיקע באַשלוסן און האַנדלונגען.

דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן דענעמאַרק.

(פאָ"צ, י—ם, 1980, י"ש ת"א, 1980)

## אין קיניגרייך דענעמאַרק

### כמעט דאָס זעלבע — און דאָך אַנדערש

דער אַריבערפאָר פון דענעמאַרק קיין שוועדן, אָדער פון שוועדן קיין דענעמאַרק, מיינט נישט פאַר אַ טוריסט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ פרעמדער ספערע, אַ קאָנטראַסטיש לאַנד. אַ פּאַספּאָרטן־קאָנטראָל קומט אַמאָל פאָר, אָבער זייער זעלטן. די באַן־קאָמוניקאַציע איז במילא אינטערנאַציאָנאַליזירט, בעסער געזאָגט — אייראָפּעיזירט. און וואָס שייך די לאַנד־שאַפט, ריינקייט, העפלעכקייט און אָרדענונג, זענען זיי שטאַרק ענלעך איןביידע לענדער. פון דעסטוועגן איז עס פאָרט אַנדערש, ווייל ס'איז פאַראַן אַ גרענעץ, באַזונדערע שפּראַכן, אַן אַנדערע געשיכטע, מינהגים, טראַדיציע.

דענעמאַרק האָט זיך „צעלייגט" אין צפון־מערב טייל פון אייראָפּע, אויפן יוטלענדישן האַלב־אינדזל און אויף 480 אינדזלען, צעוואָרפענע צווישן באַלטישן ים און צפונדיקן ים, ווו עס לעבן אין אַ פאַרהעלטנישמעסיקן ווווילשטאַנד אַ 7 מיליאָן איינוווינערס. פון זיי דענער — 97%; מינדערהייטן (דייטשן, שוועדן, נאָרוועגן, פּאָלאַקן) — בסך־הכל 3%. הגם די שטאַטישע באַפעלקערונג באַטרעפט 74%, עקספּאָרטירט אָבער דאָס לאַנד, אויסער מאַשינען און שיפן, אויך פיל שפּייז, ווייל דער גרעסטער פּראָצענט פון באַאַרבעטן באָדן (65%) געהערט צו דענעמאַרק.

אין די יאָרן 1945—1940 איז אויך דאָס לאַנד געווען אַ קרבן פון דער היטלעריסטישער אַגרעסיע, אָבער אין יענער פינצטערער תקופה זיך אויסגעצייכנט מיט איר ווידערשטאַנד־באַוועגונג און מיט ראַטעווען יידן פון די גאַז־קאַמערן, דורך אַריבערפירן זיי אין דער נייטראַלער שוועדן. די איינגעוואָרצלטע קולטור פון דעם פאָלק לאָזט זיך אויך מעסטן מיט אַזעלכע צוויי דאַטעס, ווי די אַנטשטייונג פון ערשטן אוניווערסיטעט נאָך אין יאָר 1479 און די איבערזע־צונג פון תנ"ך אויף דעניש — אין יאָר 1550. די מדינה שטאָלצירט מיט אַזעלכע שרייבערס און דענקערס אירע, ווי: האַנס קריסטיאַן אַנדערסען, געאָרג בראַנדעס, מאַרטין אַנדערסען־נעקסע און אַנדערע. דורכפאָרנדיק איינמאָל אַ קוואַרטאַל אין קאָפּענהאַגען, האָב איך באַמערקט, ווי דער רוב נעמען פון די גאַסן זענען פאַרזען מיט שילדלעך: גאָרקי, דיקענס, טאָלסטאָי, שעקספּיר און נאָך.

די קאָנסטיטוציאָנאַל־דעמאָקראַטישע מאָנאַרכיע פאַרזיכערט די בירגער אַלע מעגלעכע פרייהייטן. מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ ריידן זיי וועגן דער הויפּטשטאָט — קאָפּענהאַגען.

— ס'ערשטע מוזטו זען טיוואָלי — זאָגט מיין באַגלייטער, אַדאַם גאָלדמאַן, אין ממש אַ באַפעלערישן טאָן.

דאָרט איז טאַקע דאָ וואָס צו זען, הערן און באַוווּנדערן. דער וועלט־באַרימטער פּאַרק פאַר פאַרווייילונג און קולטור שטעלט צו בשפע קאָנצערטן און פאַרשטעלונגען, רעוויו־מאָדעס און פאַרווייילונגען, רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער. 138 יאָר עקזיסטירט דער „פּאַרק פון

פאַרגעניגנס", וועלכער איז שוין באַזוכט געוואָרן פון מיליאָנען דענער און טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט. יעדן 1טן מאַי עפנט ער זיינע טויערן, וואָס דערמאָנען דעם דיסני־לענד אין קאַליפאָרניע, וועלכן כ'האָב באַזוכט מיט 5 יאָר צוריק. נישט איין מדינה האָט געוואָלט נאָכמאַכן דעם טיוואָלי, נאָר ס'איז נישט געלונגען. טיוואָלי „רייסט די אויגן" מיט דער ריינקייט, באַנעמונג, קולטורעלער אויפירונג און פיינעם צייט־פאַרברענג.

נאָך אַן אַפּרוי־ און פאַרוויילונג־אָרט איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן — קלאַמפּער־באַרג, אַ 40 מינוט רייזע פון דער הויפּטשטאָט מיטן עלעקטרישן באַן. אַ הערלעך איינגעאָר־דענטע, ריינע פּלאַזשע (אויך פאַר נודיסטן און נודיסטקעס), אַ פּרעכטיקער וואַלד מיט אַספאַלטירטע וועגן, אויף וועלכע עס פאָרן נומערירטע קאַרעטעס, געשפּאַנטע אין פערד, אָנגעטריבן פון מונדירטע קוטשערס. אין אַזעלכע פאַיעטאָנען און קאַרעטעס גלוסט זיך צו שפּאַצירן נישט נאָר קינדער, נאָר אויך דערוואַקסענע. אויך אין קלאַמפּערבאַרג פעלן נישט קיין רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער, געשעפטן מיט „מציאות" און שפּילערייען. דער מענטשן־געדראַנג איז גרויס, נאָר אומעטום דאָמינירט ריינקייט, שטילקייט, קולטור.

אין קאָפּענהאַגען וועט איר נישט זען קיין בעטלער. די גאַסן — ברייטע, מיט באַזונדערע טראַסן פאַר די אויטאָבוסן און ראָווערן. איינער שטערט נישט דעם צווייטן, דעריבער איז די שטאָטישע קאָמוניקאַציע אַ פּינקטלעכע, דו ווייסט ווען דיין אויטאָבוס קומט אָן און פאָרט אָוועק. אין דעם רוב אויטאָבוסן, ביים אַריינגאַנג, אַ ספּעציעל אָרט אָוועקצולייגן וואַליזן אָדער אַ שווער געפּעק, נישט צו שלעפּן מיט זיך ביז דער לעצטער באַנק. אַ זונטיק פאַרמיטאָג האָב איך פאַרן שטאָטראַט בייגעוווינט אַ ריזן־דעמאָנסטראַציע פון פיל טויזנטער ציקליסטן, וואָס האָבן געפאָדערט מ'זאָל זיי נאָך מער באַקוועמער מאַכן דאָס פאָרן אין שטאָט. איר דאַרפט וויסן זיין, אַז אין שוועדן און אין דענעמאַרק איז דער ראָווער דאָס וויכטיקסטע און מאַסנהאַפטע לאָקאָמאָציע־מיטל פאַר קליינע קינדער, ווי פאַר אַלטע לייט. און פון דער יוגנט איז דאָך אָפּגערעדט.

פענסיאָנערן אין דענעמאַרק זענען גאָר פּריווילעגירט. אַ נישקשהדיקע רענטע (הלוואי אויף אונדזער ביטוח לאומי געזאָגט), גרויסע הנחות אויף די אויטאָבוסן, באַנען, אומזיסטיקע מעדיצינישע הילף, אַ געזיכערטע עלטער.

וועט איר אַוודאי זאָגן: ווי שיין און ווויל איז דאָרט! נאָר פּלוצים זעסטו אַ צוזאַמענלויף פון מענטשן. עטלעכע יונגעלייט טיילן פלוגבלעטלעך, וועלכע רופן צו באָיקאָטירן די סחורות פון דרום־אַפריקע, דאָס לאַנד פון אַפּאַרטהייד. אַ פּאָפּציק מעטער ווייטער: צוויי יונגע פאַרלעך פאַרטיילן אויפרופן, וועלכע וואָרענען פאַר דער געפאַר פון באַנוצן זיך מיט סמען. די אויפרופן וואָרענען, אין וואָרט און אין בילד, קעגן כאַשיש, מאָרפיום, הערויִן, מאַריכואַנאַ און אַנדערע דראָגס, פון וועלכע אַ סך יוגנטלעכע אין דענעמאַרק גייען אַראָפּ פון דרך הישר, אָדער גייען פון דער וועלט פאַר דער צייט... (דאָ בעט זיך צו פאַראַפראַזירן מאַרקס' באַרימטן זאָג וועגן רעליגיע, אַז זי איז אָפּיום פאַרן פאָלק. היינטיקע צייטן איז דער אָפּיום געוואָרן אַ רעליגיע פון אַ טייל יוגנט...).

ווי איר זעט, אויך אין קיניגרייך דענעמאַרק פעלן נישט קיין צרות: סיי היימישע, סיי פון א. ג. „וועלט־שמערץ".

נאָר ווי לעבט זיך דאָרט אונדזערע יידן?

## אויף דער יידישער גאַס

די צאָל יידן אין דענעמאַרק ווערט געשאַצט אויף זיבן טויזנט, וואָס צוויי טויזנט זענען געקומען אין דעם לאַנד נאָכן גירוש פּוילן, אין די יאָרן 69—1967. די ערשטע הכנסת־אורחים איז פאַר זיי געווען אַ... שיף, וועלכע האָט געאַנקערט אין קאָפּענהאַגענער פּאָרט. דאָרט האָט

מען אין די קאַבינעס איינגעאָרדנט צייטווייליק די פּליטים, פּאַר וועמען די האָלענדישע אַמבאַסאַדע אין וואַרשע האָט דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן צו פאַרלאָזן פּוילן, געגעבן אויף רייזע־הוצאות (איך לערן זיך טרעפן, אַז פון די פאָנדן פון יידן בני רחמנים און אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דזשאָינט, האַיאַס אאנ״ד). איינעם, אַזאַ געוועזענעם שיף־לאָקאָטאָר, פרעג איך: „ווי אַזוי וואָלט איר אויפגענומען אַזאַ סאָרט איינאָרדענונג, הגם אַ פּראָוויזאָרישע, אויפן תל־אביבער ים? ווי אַזוי וואָלטן יידן רעאַגירט, ווען מדינת ישראל לאָזט איבער אויף אַ שיף נאָר וואָס געקומענע עולים?" נאָר אַנשטאָט אַן ענטפער, שמייכלט דער ייד אין פאַרלעגנהייט.

ווי אינעם רוב אייראָפּעישע לענדער, איז די קהילה די צענטראַלע יידישע אינסטיטוציע. איר אָפיציעלער נאָמען: דעט מאָזאַיסקע טראָעססאַמפונד. די ערשטע יידישע אימיגראַציעס אין דענעמאַרק דאַטירן זיך פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט. שפּעטער — אין די יאָרן 1905, 1912, 1920 — פון מזרח־אייראָפּע. אין 1938 — פון היטלער־דייטשלאַנד. פון פּוילן (ווי פון די די.פּי.־לאַגערן) אין 48—1945, דערנאָך — אין 70—1967.

אויסער די רעליגיעזע באַדערפעניש, פירט אויך די קהילה אַדורך אונטערנעמונגען פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן און וועלטלעכן כאַראַקטער. איר חודש־שריפט „יידיסקע אָריענטירונג" ווערט רעדאַגירט פון אורי יערי.

אין מיין נאָטיץ־ביכל האָב איך פאַרשריבן נאָך יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס: האַנטווערקער־פאַרבאַנד; קולטור־פאַריין; וויצ"אָ; פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן; פריינד פון פּוילישע יידן; פריינד פון יידישן וואָרט; זיגעלבוים־קלוב; „ניו־אָוטלאָק" (אַ יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע, אָריענטירט אויף דעם זשורנאַל מיט דעם נאָמען, וואָס דערשיינט שוין יאָרן אין ישראל); אַ ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „קאָאָרדינאַציע פון פּויליש־יידישער יוגנט אין די סקאַנדינאַווישע לענדער", אַ גרופּע פון „בונד", וואָס האָט פון דער אָרטיקער סאָציאַלדע־מאָקראַטישער פּאַרטיי אַפילו באַקומען אַ קלוב — אַ מתנה.

דער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, מיין בן־עיר יונה פיינזילבער דערציילט, אַז מיט אַ צייט צוריק זענען זיי אַרויסגעטרעטן מיט אַן איניציאַטיוו אויפצושטעלן אין קאָפּענ־האַגען אַ מאָנומענט לזכר די העלדישע געטאָ־אויפשטענדלער אין וואַרשע. די דענישע רעגי־רונג האָט געענטפערט: אדרבא, זיי זענען גרייט צו פינאַנסירן אַזאַ אונטערנעמונג, אויך צוטיילן אַ בכבודיק אָרט, דעם בעסטן אַרכיטעקט, די געהעריקע מאַטעריאַלן, נאָר דער דענקמאָל זאָל זיין לזכר די זעקס מיליאָן קדושים — און נישט נאָר פאַר די געטאָ־קעמפערס. און אַזוי איז געבליבן!

## מאָנאַרכישע פריינדשאַפט צו יידן

כ'האָב זייער באַדויערט, וואָס מיר איז נישט אויסגעקומען צו באַזוכן דעם מוזעום פון אַנטי־נאַצישן ווידערשטאַנד, ווו ס'ווערט אויך פאַרגעשטעלט דאָס העראָיש־הומאַניטאַרע קאַפּיטל פון ראַטעווען יידן פון די נאַצישע נעגל, אַ דאַנק דער מסירת־נפש פון דער דענישער אונטערגרונט־באַוועגונג.

פון יענער פינצטערער תקופה ווערט דערציילט, אַז דער דענישער קעניג, אויס סאָלידאַ־ריטעט מיט די יידן, אויף וועמען דער דייטשער אָקופּאַנט האָט גוזר געווען צו טראָגן די געלע לאַטע, האָט אַליין זיך אָנגעטאָן דעם דאַזיקן „שאַנד־צייכן", וועלכן ער האָט באַטראַכט ווי אַ כבוד־זאַך. דעם 8טן אָקטאָבער 1953, אין צענטן יאָרטאָג פון דער רעטונג־אַקציע פאַר יידן, איז אין קאָפּענהאַגען פאָרגעקומען אַ גרויסע פייערונג, מיטן אָנטייל פון קעניג פרידריך און קעניגין סינגריד.

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון דער סינאַגאָגע, געפייערט דעם 21סטן אַפּריל 1933, איז דער מלך קריסטיאַן געקומען צו דער פייערלעכער תפילה און אויך באַגריסט די מתפללים.

אַ פייערונג פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער, לכבוד 10 יאָר ווי עס זענען אָנגעקומען די ערשטע יידן פון עקזאָדוס פוילן, איז פאָרגעקומען דעם 16טן דעצעמבער 1979, מיט אַ רייכן, אַרטיסטישן פּראָגראַם. נאָך דער „טשוואַק" פון דער פייערונג איז געווען די וואַרעמע באַגריסונג פון דער קעניגין מאַרגאַרעט די צווייטע. די יידן פון פוילן האָבן דאָס באַטראַכט נישט בלויז ווי אַ העפלעכקייט. ניט אַנדערש, די דענישע מאָנאַרכן און מאָנאַרכינס האָבן אַ גאָר באַזונדערע סימפּאַטיע פאַר זייערע יידישע בירגער.

דער פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין דענעמאַרק, געגרינדעט אין יאָר 1971, אויסער דעם גוטן נאָמען זיינעם, פירט אויך אַ געבענטשטע טעטיקייט אויפן סאָציאַלן, ווי אויפן קולטורעל־געזעלשאַפטלעכן געביט. צו דער יערלעכער באַריכט־פאַרזאַמלונג זענען געקומען נאָך זיבעציק מיטגלידער, הגם די צאָל איז אַ פיל־פיל גרעסערע. פאַר די ערשטע 5 חדשים פון 1980, האָבן זיי אַדורכגעפירט אַ 15 אונטערנעמונגען: אַ סדר־נאַכט, געטאָ־אַקאַדעמיע, מיט אַ יזכור־אַקט אין דער סינאַגאָגע, אַ קאָנצערט פון יידישן וואָרט, וועכנטלעכע איבערזיכטן און שמועסן אויף אַקטועלע טעמעס.

אויסער דעם איז נייטיק צו באַזאָרגן אין די פאַרשידענע אַמטן אַ גאַנצע ריי פאָרמאַליטעטן וועגן רענטעס, קראַנקן־שטיצע, דירה־געלט, עלטערן־היים. די אַלע ענינים דערליידיקט דער פאַרבאַנד מיט דערפאָלג, אין פולשטענדיקער קאָאָפּעראַציע מיטן פאָרזיצער פון דער קהילה, פין רודייסקי.

די יידן, געקומענע פון פוילן, אינטערעסירן זיך שטאַרק מיט די אַנטשעדיקונגען פון דייטשלאַנד. זיי ווייסן, אַז די וועלט־פעדעראַציע פון פוילישע יידן, באַזאַמען מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס, פירן אונטערהאַנדלונגען מיט באָן וועגן פאַרגיטיקן אויך יענע יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט מזרח־אייראָפּע נאָכן יאָר 1965. דער פאַרבאַנד האָט זיך געפילט גענוג שטאַרק, אַרויסצושטעלן צו די קהילה־וואַלן אין דעצעמבער 1979, אַן אייגענע ליסטע און טאַקע אַריינגעפירט צוויי ראַטמענער: יונה פיינזילבער און איגנאַצי סימכאָוויטש, וואָס רעפּרע־זענטירט די יוגנט.

פאַראַן אויך אַ געזעלשאַפט פריינד פון יידישן וואָרט. זיי פירן אַ באַשיידענע, סאָלידע טעטיקייט. כמעט יעדע וואָך — אַ לעקציע, צי רעפעראַט, און ברענגען אויך אַרטיסטן־גאַסטראָ־לאָרן.

אין דעם בנין פון דער סינאַגאָגע — אַ מושב זקנים, געגרינדעט אין יאָר 1866. איבער זעכציק פרויען און מענער, האָבן דאָרט אַ גוטע באַהאַנדלונג און זאָרגלאָזע עלטער.

אינעם שטאָטישן וועגווייזער, מיט זיינע צענדליקער אַדרעסן און אינפאָרמאַציעס וועגן פאַרשידענע אינסטיטוציעס און אַמטן, טעאַטערס, מוזעומס, אדג"ל, זענען אויך אָפּגעדרוקט 6 שורות וועגן דער „מאָסאַיסקע געמיינדע", די שעהן פון די תפילות אין וואָכנטעג און אין די שבתים. ס'איז אויך אָנגעגעבן דער אַדרעס פון דער קהילה און ביבליאָטעק. אינטערעסאַנט, אַז די אינפאָרמאַציע וועגן דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע, האָט אויך די זעלבע צאָל שורות, בעת וועגן די אַנדערע „גלאַובענס־געמיינשאַפטן" און גאָטעסדינסטן אין אַנדערע שפּראַכן, שיקט מען אָפּ דעם טוריסט צום וועגווייזער אין דער ענגלישער שפּראַך...

### די פאַרגאַנגענהייט גייט אים נאָך

בליידאַמסווי 74 איז אַ גאַנצער באַגריף אין דער יידישער קאָפּענהאַגען. בעצם, איז עס נישט מער ווי אַ נאָמען פון אַ גאַס מיטן נומער פון הויז. נאָר אַזוי ווי יענער בנין איז אַן אַבסאָרבציע־צענטער פאַר עלטערע מענטשן, פּליטים פון פוילן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך דער גוט באַקאַנטער מיכאל מירסקי, איז שוין דער בנין עפּעס מער ווי סתם אַן

אַדרעס, ווייל עס פּירט זיך דאָרט אַן אינטענסיווע קולטור־טעטיקייט אין דער יידישער און פּוילישער שפּראַך.

פּאַר מיין רעפעראַט אויף בליידאַמסוויי 74, האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט אַ שויפענצטער אין פראָנט פון דעם בנין, מיט פאַרשידענע פיגורן און בילדער — אַן אינטערע־סאַנטע אויסשטעלונג פון איבער פערציק געשטאַלטן און אָביעקטן, אויסגעפערטיקטע מיט קינסטלערישער רייפקייט, וואָס אין מאָמענט לאָזן זיי זיך אידענטיפיצירן, אפילו אָן אויפשריפטן, אָן אַ קאַטאַלאָג.

אָט דערקען איך טוביה דער מילכיקער, אַ חזן, אַ שדכן, אַ וואַסערטרעגער, אַ בעל־עגלה, אַ קאַטערינשטשיק, אַ קלעזמער, אַ דיין תורה, אַ חדר. דו פּילסט, אַז דער קינסטלער לעבט נאָך מיטן פאַרשניטענעם יידישן שטעטל. אָט באַמערקסטו אַ קאַלכאַזניק, אַ רוסישן טשינאָווניק, אַ סיבירער לאַנדשאַפט — און טראַכטסט, אַז דער באַשאַפער דערפון, האָט אוודאי פאַרזוכט דעם דאָזיקן „רעקוויזיט" אין דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט. און ווי קאָן היינט זיין אַזאַ אויסשטעלונג אָן אַ קרעמאַטאָריום, אָן אַן עס־עס מאַן, אָן אַ געטאָ־ייד מיט דער געלער לאַטע?

די אַלע פיגורן געהערן נישט צו דער אַבסטראַקטער קונסט, נאָר זענען אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון אַ תקופה, וועלכע אונדזער דור האָט אַדורכגעמאַכט, און וואָס „גייט נאָך" דעם קינסטלער. איך פרעג זיך אויפן סקולפּטאָר — און מען שטעלט אים מיר פאָר: שמואל ליפקאַ, געבוירן אין 1913 אין אַ שטעטל ביי טאָרון. אין 1940 אַנטלאָפן אין ראַטן־פאַרבאַנד, באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש און דאָרט אָפּגעזעסן קאָרגע 6 יאָר. אין 1946 זיך אומגעקערט מיט דער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן און נאָך העכער 20 יאָר, געמוזט נעמען דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט און צוזאַמען מיט דער פרוי זענען זיי אָנגעקומען קיין דענעמאַרק.

פון האָלץ, שמאַטקעלעך, שישקעס, גיפּס און... טאַלאַנט, שטעלט ער צונויף געשטאַלטן און פיגורן, וואָס זייערע אַמאָל לעבעדיקע מאָדעלן האָט ער באַגעגנט אויף זיין לאַנגן וועג און זענען געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. דער ייד האָפט נאָר צונויפצושטעלן פיגורן פון דער היינטיקער ישראלדיקער ווירקלעכקייט — „נאָר דאָס מוז געטאָן ווערן אין ישראל גופא".

ווען דאָס וועט געשען — וואָג איך נישט צו פרעגן...

(פאַ"צ, י—ם, נאָוו.־דעצ. 1980; י"ש ת"א, 25.11.80).

## אויך די תפוצות קומט צו געבן אַ וואָרט

אַלץ האָט פאַסירט אין איין טאָג — זונטיק, דעם 27סטן אַפּריל 1980: אין פּאַריז האָבן 150 טויזנט יידן זיך באַטייליקט אין אַ פאַרביקן, פּאָליטישן יאַריד־דעמאָנסטראַציע קעגן פּרע־זידענט זשיסקאַר דעסטען פאַר זיין אַנטי־ישראלדיקער פּאָליטיק; אין ניו־יאָרק האָבן 100 טויזנט יידן דעמאָנסטרירט פאַר פרייער עליה פון ראַטן־פאַרבאַנד. בעת אין פּאַריז האָט אויך אָנטייל גענומען דער סאָציאַליסטישער מנהיג מיטעראַן און אַנדערע פראַנצויזישע פּאָליטי־קערס, האָבן מיט די יידן אין ניו־יאָרק דעמאָנסטרירט דער אומאָפּהענגיקער קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט, דזשאָן ענדערסאָן און די פּערזענלעכע פאַרשטייערס פון דזשימי קאַרטער, דזשאָן קענעדי און ראָנאַלד ריגען, וואָס באַווייזט, אַז נישט נאָר אַ פערטל מיליאָן יידן אין די צוויי וויכטיקע שטעט האָבן זיך פרייוויליק מאָביליזירט לטובת ישראל, נאָר זיי איז אויך געלונגען מיטצורייסן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן אין יענע לענדער. אַ באַשטעטיקונג, שוין צום וויפל־טן מאָל, אַז ווען נייטיק, ווילן און וואָגן יידן אין די תפוצות צו פּראָטעסטירן, אַלאַרמירן און מאָביליזירן זיך און די עפנטלעכע מיינונג פאַר די לעבנס־וויכטיקע אינטערעסן פון ישראל. אויך אין די דערמאָנטע פאַלן האָט דאָס טרייע יידישע הינטערלאַנד ניט אַנטוישט.

לויט געוויסע שמועותן, איז דער בונד צווישן ישראל און די תפוצות געוואָרן לעצטנס לויזער, די קאָמוניקאַציע צווישן זיי — שוואַכער. יידן אין אַמעריקע און אין אייראָפּע האָבן זיך באַקלאָגט, אַז לויט אייניקע אַנצוגעהערענישן פון ירושלים, לאָזט מען זיי נישט אַרויסברענגען טענות, פּראָגן, באַוואָרענישן לגבי געוויסע שריט פון דער ישראל־רעגירונג. דאָס מיינט נישט, אַז אין זייער באַזיץ געפינט זיך וועלכער ס׳איז אָפיציעלער דאָקומענט, וווּ ס׳זאָל זיין געשריבן בערך: „מישט אייך נישט אין אונדזערע געשעפטן", אָדער „ווער פרעגט אייך?" צי גאָר „אַז מען זיצט אין גלות, דאַרף מען נישט דיקטירן ישראל ווי אַזוי זי זאָל זיך פירן". ניין, אַזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט. נאָר וועגן קאַליע־געוואָרענע באַציונגען האָבן מיר געהערט סיי פון משה דיין, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג זיך אומגעקערט פון אַ באַזוך אין די פּאַר. שטאַטן, סיי פון ד״ר אַרטור הערצבערג, וויצע־פּרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, ווי אויך פון אַנדערע יידישע מנהיגים.

✡

פאַראַן אַ מין נאַציאָנאַלער קאָנסענזוס, אַז ישראל איז לכתחילה אַנטשטאַנען ווי אַ מדינה, וועלכע געהערט נישט נאָר צו אירע איינוווינערס, נאָר צום גאַנצן יידישן פאָלק. די מדינה האָט גענומען אויף זיך אַלע התחייבותן כלפּי דעם פאָלק און גרויסע טיילן זיינע האָבן אויף זיך גענומען, אייגנוויליק, חובות כלפּי דער מדינה. די דאָזיקע פליכטן, שטיצע, פאַרבינדונגען און אָפּהענגיקייט, ווירקן קעגנזייטיק, אין ביידע ריכטונגען און געהערן צום אייזערנעם פאָנד פון לאַנד, פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון די יידן אין דער וועלט. אַפילו די וואָס האָבן איצט באַוואָרענישן אָדער אַ קעגנערשאַפט צום ציוניזם, אַנערקענען די צענטראַלע ראָל און אויפגאַבע פון דער מדינה פאַרן גאַנצן פאָלק, הגם מיר דאַ זענען נישט מער ווי אַ 22 פּראָצענט און די דיאַספּאָראַ 80 פּראָצענט. דאָך בלייבט ישראל דער דאָמינאַנטער כוח, די צענטראַלע אַקס פאַר עליה, קאַמפּיינען, פּאָליטישע שטיצע, סאָלידאַריטעט, אידענטיפיצירונג און גאָלד־און געלט־שפּענדונגען פאַר דער מדינה, ווען זי געפינט זיך אין קלעם. אַלץ צוזאַמען באַווייזט, אַז געאָגראַפישע ווייטקייט און צעשפּרייטקייט איבער צענדליקער לענדער, שטערט נישט דער נאַציאָנאַלער אחדות פון פאָלק אַרום דער מדינה. אויך אין באַוווּסטזיין פון אַנדערע פעלקער איז מדינת ישראל אידענטיפיצירט מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין זייערע לענדער.

„מדינת ישראל וועט זיין אָפן פאַר אַ יידישער עליה און קיבוץ גלויות" — ווערט געזאָגט אין דער מגילת העצמאות, וואָס באַשטימט די יסודותדיקע באַציונג צו דער דיאַספּאָראַ, וואָס איילט זיך נישט, ליידער, אויסצונוצן מיטן פולן שוווּנג דעם חוק השבות, נאָר באַגנוגנט זיך מיט אַ טוריסטישן באַזוך, מיט געלט־שטיצע, מיטן אַנטייל אין אַ פּראָ־ישראלדיקער אַקציע און דעמאָנסטראַציע. נאָר ווי פרייע אַנהענגערס פון דער מדינה, ווילט זיך אויך זיי נעמען שטעלונג צו געשעענישן און אַנטוויקלונגען, רעאַגירן אויף געוויסע שריט פון דער רעגירונג, אָדער זיך אַרויסזאָגן בנוגע דעקלאַראַציעס פון מיניסטאָרן.

שטעלט זיך טאַקע די פּראַגע: ווי אַזוי זיך באַציען צו זייער ווילן אַנטייל צו נעמען אין אונדזער אינערלעכן שטרייט? פאַרווערן, באַגרענעצן די רעכט פון אַריינמישונג, קריטיק, אַנפּראַגן פון דרויסן, אַפילו ווען דאָס קומט פון אחינו בני ישראל, אָדער זיי דערמוטיקן אַרויסצוברענגען פריי און אומגעשטערט זייערע מיינונגען וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין און אַרום ישראל?

✡

ישראל איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, מיט אַ פרייער פּרעסע, כמעט אומצענזורירטע ראַדיאָ און טעלעוויזיע. יעטוועדע געשעעניש דאָ ווערט גלייך צעטראָגן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, קאָמענטירט און באַהאַנדלט פון פאַרשידענע אַספּעקטן און שטאַנדפּונקטן. אַז „שוואַרצע פאַנ־

טערס״ דעמאָנסטרירן אין ירושלים, אָדער ישראלדיקע זיכערקייט־כוחות צעטרייבן אַ דעמאָנסט־ראַציע אויף די פּאַרנומענע געביטן — שפּיגלט זיך אַלץ אָפּ, נאָך דעם זעלבן טאָג אָדער צומאָרגנס, אין דער וועלט־פּרעסע, אויף די ראַדיאָ־וועלן און אויפן טעלעוויזיע־עקראַן. עס גייט נישט אויסצובאַהאַלטן פאַר מיליאָנען לייענערס, צוהערערס און צושויערס אין דער דע־מאָקראַטישער וועלט, וואָס עס קומט פאַר אינעם ישראלדיקן „גלעזערנעם הויז״. אַלץ איז אָפן און יעדער איינער איז פריי צו קאָמענטירן און רעאַגירן לויט זיין אויפאַסונג. דעריבער איז נאַריש צו טראַכטן, אַז וועלכער ייד אין די תפוצות וועט זיך לאָזן „פאַרמאַכן דאָס מויל״, בפרט, אַז זיין מאָטיוואַציע צו נעמען אַ וואָרט איז פאַר אַלעמען די זאָרג, ציטער און ליבשאַפט צו דער מדינה — און נישט דווקא בייזוויליקע קריטיק.

אוודאי וואָלט גוט געווען, ווען אַלע יידן־קריטיקערס אויסער די גרענעצן פון ישראל, זאָלן עולה זיין, ווערן אונדזערע בירגער און מיט זייער אַקטיוון אָנטייל אינעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי ביי דער וואַל־אורנע, משפּיע זיין פון אינעווייניק. דערווייל איז עס נישט מער ווי אַ פרומער ווונטש. אָבער דאָס הייסט נישט, נישט צו געבן זיי פולע פרייהייט פון וואָרט, אָן מורא און באַוואָרענישן לאָזן זיי קריטיקירן, אַפילו איינשטעלן אַ מיינונג־אויסטויש. נאָר פאַר אַלעמען — פירן אַ פּערמאַנענטן דיאַלאָג מיט די ציוניסטישע פעדעראַציעס, יידישע קהילות, יידישער וועלט־קאָנגרעס, מיט די אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמירטע קאָנגרעגאַציעס, וויצ״אָ און אַלע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס שטייען אויף אַ פּראָ־ישראלדיקער באַזע.

ס׳וואָלט אויך ניט געשאַדט, ווען די כנסת באַשטימט אַ באַזונדערן מעמד פאַר דער אַלוועלט־לעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, באַטייליקט אירע פאַרשטייערס אין די וויכטיקע מלוכהשע אַקטן און צערעמאָניאַלן; אַז די דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער פון דער מדינה זאָלן זיך אָפּט באַראַטן מיט ציוניסטישע מנהיגים אין אַ ריי לענדער בנוגע פּאָליטיש־מלוכהשע ענינים פון ישראל, כדי שטאַרקן דאָס געפיל פון שותפות און אחריות.

☆

נישט איינמאָל האָט מען געהערט די טענה, אַז ישראל־מיניסטאָרן, סוכנות־שליחים און סתם דעלעגאַטן קומען צו די יידן קיין אויסלאַנד, כדי בעטן געלט פאַרן מגבית, פאַר באָנדס, פאַרן קרן קיימת און קרן היסוד, הדסה, הסתדרות, ישיבות און אַנדערע צוועקן. ביי דער גע־לעגנהייט פאָטאָגראַפירט מען זיך ביים איבערגעבן דעם טשעק — נאָר מען מאַכט אַ שווייג וועגן עליה און מ׳איז צופרידן, אַז דער עולם באַגנוגנט זיך מיט אַלגעמיינער צושטימונג און אַפּלאָדיסמענטן און האַלט זיך אָפּ פון אַרויסריידן אַ וואָרט קריטיק אויפן אַדרעס פון דעו׳ רעגירונג, אָדער זיך אַרויסזאָגן וועגן דער אינערלעכער לאַגע אין לאַנד. אַזאַ פּאָליטיק האָט גיכער דערווייטערט די יידן פון אונדזער פּראָבלעמאַטיק, איידער זיי דערנענ־טערט. ווייל ס׳איז אַ באַוווּסטער כלל, אַז דער וואָס גיט די מאה, וויל אויך האָבן אַ דעה...

לאָמיר דעריבער נישט נתפּעל ווערן, אויב אַ ייד אין אויסלאַנד נעמט ספק, צי מ׳האָט באַדאַרפט צוריקגעבן גאַנץ סיני, אָדער איז נייטיק צו רייצן די וועלט מיט אויפשטעלן זידלונגען אין יהודה און שומרון, בעת מ׳פירט אויטאָנאָמיע־געשפּרעכן מיט מצרים און אַמעריקע: אויב אַ ייד איז קעגן דעם שלום־אָפּמאַך מיט עגיפּטן, אָדער ער באַקלאָגט זיך אויף דער ביוראָקראַ־טיע אין לאַנד, צי ער וווּנדערט זיך, הלמאי, דוירעט אַזוי לאַנג דאָס אָנהייבן פאַרווירקלעכן דעם באַשטעטיקטן פּראָיעקט צו ליקווידירן די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן.

די און ענלעכע פראַגן זיינען נישט נאָר לעגיטימע, לויט די אָנגענומענע כללים פון אַ פרייען דעמאָקראַטישן דיאַלאָג — נאָר זיי זיינען אויך דורכגעדרונגען מיט אַן אייגנאַרטיקער אהבת ישראל. טאָ לאָמיר זיי געבן דאָס וואָרט!

(פאַ״צ י—ם, 1980; יי״ש ת״א, 1980)

# יידן, זייט עולה!

דער דאָזיקער רוף טראָגט זיך איצט פון אַ סך טריבונעס, אינסטאַנצן און פּערזענלעכקייטן אין ישׂראל און אויסער איר: די עקזעקוטיווע פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט דעם ערשטן קוואַרטאַל פון 1974 פּראָקלאַמירט אַלס חדשים פאַר עליה; פּרעמיער גאָלדע מאיר האָט זיך געוואָנדן מיט אַ ספּעציעלן רוף צו די יידן אין דער וועלט זיי זאָלן זיך באַזעצן אין ישׂראל; די ציוניסטישע פעדעראַציעס אין די באַזונדערע לענדער אָרגאַניזירן און דערמוטיקן אונדזערע ברידער אין די תּפוצות זיי זאָלן עולה זיין; אויך די לעצטע סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ירושלים האָט דער עיקר זיך באַשעפטיקט מיט פּראָגן פון עליה און קליטה. נישט אַנדערש, עס ווילט זיך פּשוט, אַז וואָס מערער יידן זאָלן פאַרלאָזן דעם גלות און אָנהייבן בויען זייער צוקונפט אין דער יידישער מדינה.

1

די איצטיקע אַקציע פאַר עליה דערמאָנט אין אַ געוויסער מאָס דאָס וועקן צו סליחות אין קליינעם שטעטל, ווו ס'האָבן געלעבט פרומע יידן, וואָס אַלע טעג אין יאָר זענען זיי סיי־ווי געגאַנגען אין בית־המדרש צי אין שיל. צו די געוויינלעכע, נאָרמאַלע תּפילות, האָט מען נישט באַדאַרפט שיקן דערמאָנונגען, אַרויסנעמען פון שלאָף. דאָקעגן צו אַזעלכע באַזונדערע געבעטן פאַר די ימים־נוראים, ווי סליחות, האָט מען שוין אָנגעווענדעט דאָס קלאַפּן אין לאָדן אָדער אין טיר און רופן לעבודת הבורא... למען האמת, איז דאָס אויפשטיין צו סליחות געווען טאַקע פאַרבונדן מיט אַ געוויסן „קרבן": פאַרלאָזן דאָס וואַרעמע בעט אין אַ פינצטערן, קאַלטן באַגינען און האַלב פאַרשלאָפן, ציטערנדיק פון קעלט, גיין צו די סליחות און בעטן דעם וואָס אייביק לעבט ער זאָל פאַרגעבן די עבירות...

ווי אַזוי וועלן אחינו בני ישׂראל אויסער מדינת ישׂראל אויפנעמען דעם איצטיקן עליה־רוף און וועלכן ענטפער וועלן זיי געבן? לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן אין גרעסערע ווי ביז איצט צאָלן פאַרלאָזן די וואַרעמע נעסטן אין אַמעריקע, אייראָפּע, אויסטראַליע און דרום־אַפריקע און, להבדיל, ווי די וואַנדער־פייגל, זיך אומקערן אין זייער היימלאַנד, נאָר דאָסמאָל — אויף שטענדיק און זיכער.

אין אַלגעמיין, איז דאָך דער רוב מנין ובנין פון די יידן אין די תּפוצות גוט און פרום כלפּי ישׂראל. אַלע טעג אין יאָר ווינטשן זיי איר פון גאַנצן האַרצן אַ סך געזונט און וווילזיין, גיבן פיל געלט, קויפן זיך אַפילו אין לאַנד אַ דירה „אויף יעטוועדן פאַל", אינוועסטירן און שטעלן אויף אונטערנעמונגען, ציטערן איבערן גורל פון ישׂראל אין טעג פון שפּאַנונג און מלחמה. ווען אָבער עס קומט צו עליה, וואָס מיינט — געזעגענען זיך מיטן באַקוועמען לעבן אין די תּפוצות, מוז מען פאָרט אָנהייבן וועקן און מאָנען, אַגיטירן און אויפקלערן, אַלאַרמירן און פאָדערן: יידן, זייט עולה! קומט זיך באַזעצן אין לאַנד, באַהעפט זיך מיטן פאָלק און מיט דער מדינה!

ווי באַוווּסט, איז דער עליה־בילאַנס לגמרי נישט קיין שלעכטער. אַנדערטהאַלבן מיליאָן עולים פאַר 25 יאָר איז אַזאַ רעקאָרד־ציפער, וואָס האָט נישט אירס גלייכן אין דער געשיכטע פון וועלכן ס'איז פאָלק. אויך די אַבסאָרבציע פון אַזאַ צאָל מענטשן, אין די באַדינגונגען פון מדינת ישׂראל, מיט איר פיינדלעכער אַרומרינגלונג, מלחמות און טעראָר — איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַן אויסטערלישער אויפטו. און אַהער זענען געקומען פון קאַרגע הונדערט לענדער, יידן אָרעמע, אומפאַרמעגלעכע, מיטלשטאַנד און עטוואָס רייכע; יידן פון נויטלענדער און פון זאַטע מדינות; עולים־חלוצים און וואָלונטערן, אידעאַליסטן און מאמינים, ביי וועמען לויטערע נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָבן דעצידירט צו באַזעצן זיך אין ישׂראל; און עולים, וועמענס

ביטערער יידישער גורל אין דער פרעמד האָט זיי באַוויגן צו פּאַקן די טשעמאָדאַנעס און צושווימען צום זיכערן ברעג פון היימלאַנד.

2

נאָר דער עליה־בילאַנס פון יאָר 1973 איז נישט געווען אַזוי דערמוטיקנדיק. בלויז אַ דאַנק דער גרעסערער צאָל עולים פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך פיל־וייניק באַשטעטיקט דער עליה־פּראָגנאָז פאַרן דערמאָנטן יאָר. אויב פון יענער מעכטיקער מדינה, ווו מען לייגט אַזוי פיל שטיינער אין וועג פאַר דער עליה, איז דער ציפער אין 1973 געווען אַ פיל גרעסערער ווי אין 1972, רופן אָבער אַרויס זאָרג און טרויעריקע מחשבות די עליה־ציפערן פון די מערב־לענדער, באַזונדערס פון ביידע אַמעריקעס און אייראָפּע, פונוואַנען מען קאָן פּאַרט אומגעשטערט עולה זיין און דאָך קוואַפּעט זיך נישט דער עולם. דעריבער די ספּעציעלע אַקציע פאַר עליה, דער רוף און „דאָס וועקן צו סליחות".

דעם אמת געזאָגט, האָט מען נאָך נישט אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט איינגעאָרדנט די עולים פון 1973. פאַראַן איניקע פּראָבלעמען צו לייזן, ווי: דירות, הגם קיין איין עולה וווינט נישט אויפן גאַס; פון באַשעפטיקונג, (הגם קיין איין עולה הונגערט נישט), באַזונדערס פאַר אַקאַדעמיקערס, מיט וועלכער ס'איז געבענטשט די עליה פון די סאָוויעטישע יידן; פון איבערקוואַליפיקאַציע, ווייל די פּראָפעסיעס פון אַ טייל עולים אַנטשפּרעכן נישט ישראל, וועלכע נייטיקט זיך גראָד אין אַנדערע פאַכלייט.

און צו די אַלע יסודותדיקע און פּראַקטישע ענינים, שוין נאָכדעם ווי זיי ווערן געלייזט אין אַ גרויסער מאָס, שווימט אַרויף די פראַגע פון געזעלשאַפטלעכער אַבסאָרבציע, אָדער די א. ג. אינטעגראַציע פון די עולים אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט, און אין אַ וואָסער מאָס די דאָזיקע געזעלשאַפט דערנענטערט צו זיך און העלפט דעם נייעם עולה אַקלימאַטיזירן זיך אין לאַנד.

די דערמאָנטע סיבות און נאָך אַנדערע, נעמען טיילמאָל אָן אַזעלכע אומגעוווּנטשענע אַנטוויקלונגען, אַז ניט איין משפחה עולים פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן אַזאַ אַנשיקעניש ווי די ביוראָקראַטיע, אויף וועלכער דער עולה שטויסט זיך אָן אין די פאַרשידענע אַמטן. ביוראָקראַטיע איז טאַקע נישט קיין רעגירונג־סיסטעם אין ישראל, צי, חלילה, אַן אידעאָלאָגיע, נאָר בלויזע האַנדלונגען פון געוויסע באַאַמטע, ביי וועמען ס'איז פאַרשלאָסן דאָס האַרץ און דער... מוח. אַזאַ פאַרשוין זעט נישט פאַר זיך דעם לעבעדיקן מענטש, נאָר דאָס פּאַפּירל מיטן טרוקענעם געזעץ און די... פאַרשריפטן. נאָר אַנשטאָט דאָס אַלץ ליבעראַליזירן, פאַרגרינגערן און דערקלערן מיט אַ שמייכל אויפן פנים און וואַרעם האַרץ — פאַרפאַנצערט ער זיך מיט אָפיציעלקייט און האַרצלאָזיקייט.

אין דער פּרעסע אין ישראל און אויך פון דער כנסת־טריבונע, ווערט גערעדט און געשריבן וועגן און קעגן די אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען. ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז נישט געקוקט אויף די אַלע שאָטן־זייטן, איז די עליה תמיד געווען דער לעבנסזאַפט פאַר דער מדינה אונטערוועגנס און אוודאי' און אַוודאי — פאַר מדינת ישראל. דער עיקר אַ דאַנק די עולים, האָט דאָס לאַנד זיך געשטאַרקט און געוואַקסן. פון אַ ישוב פון 650.000 יידן דעם 14טן מאַי 1948, זענען מיר איצט דערגאַנגען צו 3 מיליאָן. און אין דעם באַשטייט דער כוח פון מדינת ישראל: דער מענטש! נאָר אַ דאַנק די באַדייטנדיקע דעמאָגראַפישע ענדערונגען, איז צו פאַרדאַנקען דער עקאָנאָמישער וווקס, מיליטערישע קראַפט און קולטורעלער אויפשטייג פון דער מדינה. אַ ווייטערדיקע עליה פון אַלע לענדער אין גרויסן פאַרנעם, וועט געבן כוח דעם יידישן לאַנד און אויך משפיע זיין אויף דער מאָראַל, נאַציאָנאַלע געפילן און שטאָלץ פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט.

דערווייל זענען העכער 80% פון יידישן פֿאָלק צעזייט און צעשפּרייט צווישן די אומות העולם און וויי‌ניקער פון 20% האָט זיך איינגעזאַמלט אין דער יידישער מדינה. דער הויפּט־ציל פון ציוניזם און די מלוכהשע אַספּיראַציע פון ישראל איז טאַקע אַזוי צו ענדערן די דאָזיקן פּראָפּאָרץ, אַז ס׳זאָל אומאויפהערלעך וואַקסן די צאָל יידן אין ישראל, אויפן סטאַטיסטישן חשבון פון די תפוצות. און דאָס איז מעגלעך צו דערגרייכן בלויז און אויסשליסלעך דורך עליה!

נאָר אַפּעלן צי קול קורא׳ס פונדאַנען וועלן אויף אַזוי פיל זיין עפעקטיוו און ווירקזאַם, אויב די ציוניסטישע אָנפירונג ווי אַן אינסטאַנץ און דער יחיד פאַר זיך אין די באַזונדערע לענדער, וועט זיך צו דעם באַציען מיט דער פולער ערנסטקייט און אחריות, און פאַר אַלעמען — געבן דעם פּערזענלעכן ביישפּיל.

ס׳איז נישט קיין סוד, אַז אין אַ גאַנצער ריי לענדער הערשט פאַרביטערונג אויף אייניקע יידישע מנהיגים, וואָס יאָרן־לאַנג פאַרנעמען זיי אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין אָרטיקן ישוב, פּרעדיקן ציוניזם מיטן פולן מויל — נאָר אַליין רירט מען זיך נישט פון אָרט, גלייך נישט זיי מיינט מען. אַלע באַשלוסן פון די ציוניסטישע אינסטאַנצן, די שטילע און אַפילו הויכע אָנצוהערענישן פון דער אַרומיקער סביבה און פון ירושלים גופא, מאַכן נישט קיין צו שטאַרקן איינדרוק אויף די דאָזיקע אָנפירנדיקע ציוניסטן. זיי בלייבן אַלץ זיצן, בעת דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט אַ קלענערן ציוניסטישן באַגאַזש פונעם מנהיג, איז פאַרט עולה.

נאָר דאָס וואָס קומט פאָר מיט דער עליה פון ראַטנפאַרבאַנד — איז עפּעס אויסערגעוויינלעך, ממש אומבאַגרייפלעך! איך מיין נישט די עליה־פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט, וואָס דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך, נאָר — אונדזערע יידן דאָרט, פונוואַנען עס זענען אין יאָר 1973 עולה געווען 33,477, אַנטקעגן 31,625 אין 1972. אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי באַוווּסט, ווירקן נישט קיין ציוניסטישע פּאַרטייען, די סוכנות האָט נישט אירע פיליאַלן, דער מגבית, קרן היסוד און קרן קיימת פירן נישט קיין שום טעטיקייט און אַ דיפּלאָמאַטישע צי קאָנסולאַרע פּלאַצוווקע פון מדינת ישראל איז דאָך אַוודאי נישט בנמצא. נאָך מער — ספּעציעלע שליחים פאַר עליה ווירקן נישט אין יענער גרויסער מדינה, ווי דאָס האָט אַן אָרט אין אַמעריקע און קאַנאַדע — 36 שליחים, לאַטיין־אַמעריקע — 18, אויסטראַליע — 2, אייראָפּע — 16. אויב צו דעם צוגעבן די פאַרשידענע מכשולים מצד דער סאָוויעטישער מאַכט, וועלכע דערפירן אָפט צו הונגער־שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און אַרעסטן און דעם באַלדיקן אָפּזאָגן פון דער אַרבעט דעם קאַנדידאַט אויף עליה, ווי נאָר ער דערלאַנגט די פּאַפּירן אויף אַרויסצופאָרן — דערוועקט עס נאָך מער שטוינונג און אָנטציקונג מיט אַזאַ צאָל ווי העכער 33 טויזנט עולים פון רוסלאַנד.

אַוודאי ווייסן זיי די שוועריקייטן וועלכע דערוואַרטן זיי דאָ ביים איינאָרדענען זיך. פון דעסטוועגן הערט מען נישט אויף צו קעמפן פאַר עליה און אויך עולה זיין — האַלעווײַ אויף די אַנדערע יידישע ישובים געזאָגט.

און ווי זעט טאַקע אויס די עליה פון די א. ג. פרייע לענדער אין פאַרגאַנגענעם יאָר?

פונעם העכער זעקס־מיליאָניקן יידישן ישוב אין די פאָר. שטאַטן האָבן אין יאָר 1973 עולה געווען 4,393 יידן אַנטקעגן 5,515 אין 1972. די זעלבע דערשיינונג, ד. ה. וויי‌ניקער עולים אין אָפּגעלאָפענעם יאָר ווי אין 1972, איז צו פאַרצייכענען אין אַלע מערב־לענדער: קאַנאַדע 393 (519); לאַטיין־אַמעריקע — 4,418 (4,429); מערב־אייראָפּע — 3,286 (4,684); אָקעאַניע — 318 (351); אַפריקע — 2,839 (2,766); אַזיע — 2,025 (3,143). אַלזאָ — פון יענע לענדער וווּ ס׳זענען נישט פאַראַן קיין באַרענעצונגען, האָבן מיר צובאַקומען 17,672 עולים אַנטקעגן 21,417 מיט אַ יאָר פריער, בעת פון מזרח־אייראָפּע זענען געקומען 37,206 עולים אין 1973, אַנטקעגן 34,461 אין 1972 — מיט 2,745 מער!

אויסער ריין ציוניסטישע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון, דאַרפן אויך די פריער דערמאָנטע ציפערן אָנרעגן ציוניסטישע וועטעראַנען, מנהיגים און סתם יידן אין ביידע אַמעריקעס און אין מערב־אייראָפּע, וואָס ווייזן אַרויס אַזוי פיל ליבע אונדזער לאַנד, צו באַטראַכטן זיך און אויך געבן אַן ענטפער: וויפל איז דער שיעור צו פאָדערן פון יענעם עולה צו זיין? ווי לאַנג האָט נאָך אַ זין צו דעמאָנסטרירן און פאַרלאַנגען (מיט רעכט!) אין פאַריז, ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס און בריסל, פרייע עליה פאַר די יידן פון מאָסקווע, לעניגראַד, טאַשקענט און קיעוו — און דערביי נישט וועלן געניסן פון דער פרייער, אומגעשטערטער עליה פון די אייגענע וווינערטער?

אפשר אויך דערפאַר איז געקומען דער רוף פון ירושלים צו די יידן אין די דאָזיקע תפוצות, זיי זאָלן עולה זיין. ווייל מדינת ישראל, אין איר איצטיקער לאַגע, נייטיקט זיך נישט בלויז אינעם געלט, ליבשאַפט, אידענטיפיצירונג און טרייהייט — נאָר אויך אינעם מענטש. און וואָס מערער איר וועט קומען — אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַרן יידישן לאַנד און פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

# א חשבון
# מיט מאסקווע

# דער זיגרײַכער אָקטאָבער

מיט 31 יאָר צוריק האָט דאָס רוסישע פֿאָלק, צוזאַמען מיט די אַנדערע פֿעלקער פֿון דער צאַרישער אימפּעריע, אַדורכגעפֿירט די גרויסע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. מיליטעריש שלעכט באַוואָפֿנט, דערפֿאַר אָבער אויסגעשטאָט אין פּאָליטישן באַוווסטזיין און רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, האָבן מיליאָנען אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן געשטירצט דעם צעפּוילטן צאַרישן רעזשים און אויפֿגעשטעלט די ראַטן־מאַכט.

אין טאָג פֿון 7טן נאָוועמבער 1917 (24 אָקטאָבער) איז אויף איין זעקסטל פֿון דער ערד פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייאונג פֿונם פֿאַרבאַנד פֿון סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. די אויסערלעכע אינטערווענץ פֿון אַ ריי מלוכות, צוזאַמען מיט דער רוסישער קאָנטררעוואָלוציע, האָבן אין טײַכן בלוט געוואָלט דערטרינקען די יונגע מלוכה. אויף 26 פֿראָנטן האָבן סאָלדאַטן פֿון דער רויטער אַרמיי זיך געשלאָגן קעגן די באַוואָפֿנטע חיילות פֿון וורανגעל, דעניקין, יודעניטש, סקאָראָפּאַדסקי, פּעטליוראַ און מאַכנאָ, די אינוואַזיע־אַרמייען פֿון יאַפּאַן, אַמעריקע, ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, פּוילן און אַנד. פֿיר יאָר האָט געדויערט דער גיגאַנטישער פֿאַרמעסט צווישן די כּוחות פֿון נעכטן, מיט די אויפֿגייענדיקע כּוחות פֿון מאָרגן. דעם נצחון האָט אָפּגעהאַלטן די סאָוויעטן־מאַכט. געזיגט האָט דער אָקטאָבער.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן וואָכן פֿון פֿרידלעכער בויאונג, פֿון פֿאַרהיילן די בלוטיקע וווּנדן פֿונם בירגער־קריג און אָנשטרענגונגען פֿונאַנדערבויען די אינדוסטריע, מעכאַניזירן און קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירטשאַפֿט, עלעקטריפֿיצירן דאָס לאַנד און ליקווידירן דעם אַנאַלפֿאַבעטיזם. די 5 יאָר פּלענער („פּיאַטילעטקעס”) האָבן געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן.

צוגלייך מיט דער פֿרידלעכער בויאונג פֿון לאַנד, האָט דער ראַטן־פֿאַרבאַנד קאָנסעקווענט געפֿירט דעם קאַמף פֿאַר שלום. זײַנע פֿאָרשטייער האָבן אויפֿן פֿאָרום פֿון דער פֿעלקערליגע און בײַ יעדן צווישנפֿעלקערלעכן צוזאַמענקונפֿט געוואָרנט פֿאַר אַ נײַער וועלט־שׂריפֿה און גלײַכצײַטיק פֿאָרגעלייגט מאָסמיטלען, ווי אַזוי איר צו פֿאַרמײַדן. די וועלט־אונטערצינדער האָבן אָבער סיסטעמאַטיש געגרייט דעם איבערפֿאַל אויף דער אַרבעטער־מלוכה. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה.

☆

דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד איז אויסגעקומען אין משך פֿון 3 און אַ האַלב יאָר צײַט, איינער אַליין, אויסצוטראָגן דעם גוואַלטיקן דרוק פֿון מיליטאַריזירטן היטלער־דײַטשלאַנד, וואָס האָט געמאַכט דעם פֿאַרעטערישן איבערפֿאַל. נישט איין שונא פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט זיך פּריצײַטיק געפֿרייט מיט דעם ריקצוג פֿון דער רויטער אַרמיי אין די ערשטע 2 יאָר פֿון קריג.

עס האָט אָבער נישט געקאָנט צוזאַמענגעבראָכן ווערן אַזאַ מלוכה, וועמענס אַרמייען האָבן צוגלייך מיט דעם מיליטערישן קאַמף, געפֿירט אויך אַן אידעאָלאָגישע שלאַכט מיטן פֿאַשיזם. די העלדנמוטיקייט, געוואָגטקייט און קריגס־פֿעיקייט פֿון דער סאָוויעטישער אַרמיי, האָבן נישט געהאַט קיין בײַשפּיל אין דער געשיכטע. סטאַלינגראַד איז געוווען דער אָנהייב פֿונם סוף פֿונם היטלעריזם. דער זיגרייכער אַריינמאַרש פֿון דער רויטער אַרמיי קיין בערלין האָט דער וועלט צוויסן געגעבן וועגן דעם מיליטערישן און פּאָליטישן קראַך פֿונם היטלעריסטישן דײַטשלאַנד. פֿאַר דער ראַטן־רעגירונג איז אָבער געווען קלאָר, אַז די מיליטערישע מפּלה פֿונעם פֿאַשיזם — איז נאָך נישט אַלץ.

דער קאַמף פֿאַר פֿאַרפֿעסטיקן דעם שלום און דער וועלט, איז גלײַכצײַטיק אַ קאַמף מיט די גײַסטיקע יורשים פֿונעם היטלעריזם, וועלכע פֿירן דעם „קאַלטן קריג”, כּדי צו האַלטן די וועלט אין כסדרדיקער שפּאַנונג. ווידער זעען מיר דעם ר״פ אַלס מוטיקן און אויפֿריכטיקן

קעמפער פאַר דער אַנטוואָפּענונג פון די גרויסמאַכטן, פאַרן איינפירן די קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע פון דער אַטאָם־ענערגיע, פאַר באַשטראָפן די קריגס־פאַרברעכער און מלחמה־העצער, פאַר דעמאָקראַטיזירן דייטשלאַנד, פאַר דעמאָנטירן די פאַבריקן פון דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע, פאַרן אָפּהיטן און רעאַליזירן די באַשלוסן פון דער יאַלטער און פּאָטסדאַמער קאָנפערענצן — אַ קאַמף פאַר דער פּאָליטישער מפּלה פונם פאַשיזם און זיינע נאָכפאָלגער.

אויפן פאָן פון אָט דעם קאַמף פאַר שלום, ווערט בולט און זעלבסטפאַרשטענדלעך דער פּראָבלעם וואָס הייסט — ראַטן־פאַרבאַנד און מדינת ישראל.

די סאָוויעטן־רעגירונג, וואָס האָט געגעבן איר באַדייטנדיקן צושטייער צום באַשלוס פון אונ״אָ פון 29סטן נאָוועמבער פ. י. וועגן שאַפן אַ יידישע מדינה, האָט אין קעגנזאַץ פון די אַנגלאָזאַקסישע רעגירונגען און זייערע סאַטעליטן, וואָס האָבן טאָרפּעדירט דעם באַשלוס און שטילערהייט אָדער אָפן געשטיצט די אַראַבישע אַגרעסאָרן — ווידער קאָנסעקווענט געקעמפט פאַר דער רעאַליזירונג פונעם אונ״אָ־באַשלוס, געפאָדערט אַנצוווענדן שאַרפע סאַנקציעס לגבי די איבערפאַלער און צוזאַמען מיט די פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעגירונגען אַרויסגעטרעטן פאַר דער גאַנצקייט און אומבאַרירלעכקייט פון די גרענעצן און פאַר דער סוווערניטעט פון מדינת ישראל. דער ראַטן־פאַרבאַנד איז אַנטשידן אַרויסגעטרעטן קעגן די אַראַבישע איבערפאַלער און זייערע אַפּוטראָפּסים, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען די ייִנגע יידישע מלוכה.

(א״ו פאַריז, דעצעמבער 1948)

# פּשטלעך פון יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן

דעם 2טן סעפּטעמבער 1949 איז אין דער פּוילישער פּרעסע און אין די יידישע צייטונגען אין פּוילן, דערשינען דער קאָמוניקאַט פון מיניסטעריום פאַר עפנטלעכער אַדמיניסטראַציע וועגן פאַרלייכטערן פאַר יידן די פּראָצעדור אויף אַרויסבאַקומען דערלויבענישן צו פאָרן קיין ישראל. דער זייער קורצער קאָמוניקאַט, געשריבן אין אַן אָפיציעלער, לאַקאָנישער שפּראַך, איז אין זיין תוך אַ היסטאָרישער דאָקומענט פון ערשטראַנגיקן באַטייט: ער איז אַ פּאָליטישער אָנערקענונגס־אַקט פון דער היינטיקער פּוילישער רעגירונג פאַר די רעכט פון יידישער עליה אין דער יידישער מדינה; ער שאַפט פּראַקטישע מאַסמיטלען פאַר אַן אומגעשטערטן אַרויספאָר פון יידן פון פּוילן קיין ישראל.

אַזוי און נישט אַנדערש האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין דער גאָרער וועלט אָפּגעשאַצט דעם קאָמוניקאַט פון מיניסטעריום.

יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן האָבן אָבער אַן אַנדערן פּירוש צום קאָמוניקאַט — אַן אָפיציעלן דאָקומענט פון דער פּוילישער רעגירונג, וועמענס פּלענער און באַשלוסן זיי פּלעגן פּאָפּולאַריזירן אין דער יידישער סביבה. מיר זענען נישט וויניקער פון די יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן באַגייסטערט פון די וויכטיקע אויפטוען אין היינטיקן פּוילן אויפן וועג צום סאָציאַליזם, און טאָקע דערפאַר זעט אונדז אויס משונהדיק־ווילד די וויסטע העצע פון די יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עליה, גראָד נאָכן דערשיינען פונעם אויבנדערמאָנטן קאָמוניקאַט, הגם אויך פריער האָט די „פאָלקסשטימע״, וואָכנשריפט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.ז.פּ.ר.) נישט געזשאַלעוועט קיין אַנטי־ציוניסטישן שטאָף.

דעם 9טן סעפּטעמבער, 1949, ווען די „פאָלקס־שטימע״ האָט פאַרעפנטלעכט דעם קאָמוניקאַט, וואָס פאַרנעמט בסך־הכל 22 שורות, האָט זי אַלס קעגנגעוויכט אין דעם זעלבן נומער געגעבן אַ ספּעציעלן לייט־אַרטיקל, מיט פיר צוגעפּעפּערטע גרעסערע ידיעות פון ישראל

און אַ לאַנגן מאמר פון י. לעכטער וועגן זיינעם אַ געשפּרעך מיט עטלעכע צוריקגעקומענע פונדאַנען קיין פּוילן — צוזאַמען עפּעס אַ קאַרגע 700 שורות, אין קאַמף קעגן די עווענטועלע רעזולטאַטן פון דער פּוילישער רעגירונג־מעלדונג. דער מעטאָד איז: אָפּשרעקן, אַנוואַרפן אַן אימה. ווייזט אויס, אַז אויף דער בלויזער „טעאָריע" ווילן זיי זיך נישט פאַרלאָזן. צו באַקרעפטיקן די טעאָריע, ווערט געבראַכט דאָס אַרטיקל פון י. לעכטער „ביז כ'בין אַהינגעקומען, האָב איך אַלץ געגלייבט וואָס זיי שרייבן". עס איז גענוג זיך נאָר צו באַקענען מיט די אונטערקעפּלעך פון דעם אַרטיקל:

„מען יאָגט אַרויס די נשמה, כדי אָפּצושפּאָרן אויף הוצאות";
„ער פּלעגט שלאָפן אויף דער גאַס אין תל־אביב";
„פאַר בעטן אַרבעט, קריגט ער מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ".
„פּוילישע יידן זענען עלנט אין ישראל";
„זיי קוועטשן פון אייך אויס די לעצטע זאַפטן";
„אַ זעלטענע געלעגנהייט — אַ טאָג אַרבעט";
„אַן עלטערער ייד דראַפּעט זיך אויף טעלעגראַף־סלופּעס".

די מחברים פון די אַלע ידיעות און אַרטיקלען זוכן אַלץ אויס בייע קוואַלן פון העצע, אַבי אָפּשלאָגן דעם חשק פון יידן אין פּוילן עולה צו זיין. אדרבה, באַקענט זיך ווידער מיט אַ סעריע גרויס־קעפּלדיקע ידיעות:

„הויכער באַאַמטער פון ישראל־רעגירונג רעדט וועגן אַ מגיפה אין די לאַגערן פאַר נייע עולים";
„אַ ישראל־באַאַמטער עצה'ט 2 נייע עולים צו שלאָפן אויף דער גאַס, פּונקט ווי עס טוען אַנדערע";
„אין ישראל וועלן באַלד זיין 54 טויזנט אָן אַרבעט".

אַל־דאָס שלעכטע, וואָס מיר דאַ באַהאַלטן נישט, פאַרשוויגן נישט, כדי צו ברענגען אַ בעסערונג, ווערט דאָרט אויפגעבלאָזן, צוגעפעפערט, צוגעזאַלצן, איבערגעטריבן און צוגעטראַכט, אַבי אָפּצושלאָגן דעם ווילן צו עליה. אַ סימן, ווי שטאַרק ס'איז דער דאָזיקער ווילן.

פאַראַן ביי יידן אַ ווערטל: „קליינע קייען וואָס גרויסע שפּייען". אויך דער אָרגאַן פון וואָיעוואָדישן יידישן קאָמיטעט אין וראָצלאַוו „נידערשלעזיע" שטייט נישט אָפּ פון דער העצע קעגן עליה. אינעם נומער 1, פון 1טן סעפּטעמבער 1949, איז פאַראַן אַן אַרטיקל פון י. באַריס „וועגן וואָס עס טראַכט אונדזער יידישער אַרבעטער". נאָך אַ חשבון מיטן „מאָרגן־זשורנאַל" אין אַמעריקע, וועלכער האָט לעצטנס אויפגעהויבן אַ וויסטע העץ־קאַמפּאַניע קעגן היינטיקן פּוילן, ווו עס קומען כלומרשט פאָר פּאָגראָמען, אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען און אַנדערע אַנטי־יידישע דערשיינונגען, כאַפּט זיך דער מחבר אַרונטערצורייסן מדינת ישראל און פונאַנדערבלאָזן אַ קאַמף קעגן דער עליה, מיט די אייגענע אַרגומענטן.

„די פּוילישע רעגירונג — זאָגט דער שרייבער — שטערט טאַקע נישט די יידן אַרויסצופאָרן קיין ישראל, אָבער יידישע אַרבעטער דאַרפן — אין נאָמען פון זייער צוקונפט — פאַרבלייבן אין פּוילן און העלפן בויען אין לאַנד דעם סאָציאַליזם, וואָס גיט זיכערקייט און גליק פאַר דעם אַרבעטנדיקן מענטשן; נישט איבערבייטן אַ פאָלקס־דעמאָקראַטיש פאָטערלאַנד, וואָס גייט צום סאָציאַליזם, אויף אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, ווו ס'ווערט כסדר פאַרשאַרפט דער קלאַסן־קאַמף און די עקספּלאָאַטאַציע פון אַרבעטנדיקן מענטש".

ווען אַ צווייטע, לעגאַל־עקזיסטירנדיקע פּאַרטיי אין היינטיקן פּוילן וואָלט געוואַגט אין אַזאַ טאָן צו שרייבן און אַזוי „אייגנאַרטיק" קאָמענטירן אַ באַשלוס פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעגירונג, וואָלטן די יידישע קאָמוניסטן געשטעמפּלט אַזאַ פּאַרטיי ווי אַן אַנטי־פּוילישע, אַנטי־מלוכהשע. טאָ ווי אַזוי, יידישע חברים פון פּ.ז.פּ.ר. אַנרופן אייערע טאָטן, אייער

אויסקרומען און פאַרקריפּלען אַ ריינע ערלעכע כוונה פון דער רעגירונג, וועלכע האָט פאַרשטאַנען און פאַרשטייט ווייטער דעם טיפן דראַנג פון יידן עולה צו זיין קיין ישראל?

און נאָך אַ פראַגע: „דאָס נייע לעבן", קאָמענטירנדיק דעם קאָמוניקאַט פון מיניסטעריום פאַר עפנטלעכער אַדמיניסטראַציע, רעכנט אויס, ווער עס דאַרף נישט גענישט פון אים:

„ס'איז קלאָר, אַז די יידישע אַרבעטער פון די פאַבריקן און קאָאָפּעראַטיוון, די יידישע אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ: די לערער, די שרייבער, די אַרטיסטן, די קולטור־טוער, דאָס הייסט די גזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע בילדן דעם פונדאַמענט פון אונדזער נייעם יידישן ישוב, וועלכע האָבן מיט זייער שעפערישער אַרבעט דעצידירט זיך איינצושליסן אינעם אַלגעמיינעם אויפבוי און איבערבוי, וואָס קומט פאַר אין אונדזער פּויליש פאָטערלאַנד — וועלן נאָך שטאַרקער פאַרבינדן זייער גורל מיט דער פּערספּעקטיוו פון אויפבויען דעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד".

טאָ ווער דאַרף יאָ פאָרן? פאַר וועמען איז באַשטימט דער קאָמוניקאַט פון דער פּוילישער רעגירונג? צי בלויז פאַר קאַפּיטאַליסטן און ליידיקגייער?

מיר געדענקען דאָך, ווי די רעגירונג האָט בשעתו דערקלערט, אַז קיין שום באַגרענעצונגען אַרויסצופאָרן וועלן נישט געמאַכט ווערן פאַר אידעישע עלעמענטן וואָס ווילן עולה זיין, אין קעגנזאַץ צו די פּאַראַזיטישע און ספּעקולאַנטישע עלעמענטן, פאַר וועלכע עס וועלן קיין פאַרלייכטערונגען נישט געמאַכט ווערן!

אָט אַזוי פעלשן די יידישע קאָמוניסטן דעם תוך און דעם זין פונעם באַשלוס פון דער פּוילישער רעגירונג.

(נ"וו ת"א, 14.10.49 ; „אונדזער וואָרט" בריסל, 21.10.49)

## באַנייטער יעווסעקיזם

טויזנטער יידן אין פּוילן האָבן מיט באַגייסטערונג און דאַנקבאַרקייט אויפגענומען דעם קאָמוניקאַט פון דער רעגירונג וועגן דער פאַרלייכטערטער פּראָצעדור ביים אַרויספאָרן קיין ישראל. יידן האָבן פאַרפולט און פאַרפולן די ביוראָען פונעם מיניסטעריום פאַר עפנטלעכער אַדמיניסטראַציע און דערלאַנגען בקשות צו דערלויבן זיי באַזעצן זיך אין דער יידישער מדינה. דער אַרויספאָר קיין ישראל איז גלייכצייטיק פאַרבונדן מיט אָפּזאָגן זיך פון דער פּוילישער בירגערשאַפט, — אָבער יעדער ייד פאַרשטייט, אַז דערמיט באַגייט ער נישט קיין אַקט פון אומפאַריינטלעכקייט לגבי דעם היינטיקן פּוילן, נאָר ער פאָלגט זיין אומבאַצוויגזאַמען ווילן צו קומען אין אייגענעם פאָטערלאַנד, לעבן אַ יידיש לעבן מיט זיין אייגענעם פאָלק. איז אַ וואונדער, אַז דער קאָמוניקאַט האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג? אַז ר'איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ טריאומף פון ציוניסטישן געדאַנק, וואָס האָט באַקומען די פּראַקטישע סאַנקציאָנירונג דורך דער פּוילישער, פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעגירונג?

### דער הייליקער קריג פון די יידישע קאָמוניסטן

די יידן אין פּוילן האָבן דערשפּירט ביי זיך אַ געהויבנקייט פונעם באַשלוס פון דער רעגירונג. אָבער גאָר נישט געהויבן, נאָר טיף געפאַלן האָבן זיך דערשפּירט די יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן. נישט איינער פון זיי וואָלט אוודאי גערן מיטגעגאַנגען מיט דעם ווארעמען שטראָם פון דער מאַסע. אויך אין זיי טליעט דאָך דער פונק, וואָס צינדט אַלעמען. אָבער נישט אַלעמען איז געלונגען צו באַפרייען זיך פון דעם ניהיליסטישן צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע, וואָס זיי

האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אין משך פון יאָרן. דער באַשלוס פון דער פּוילישער רעגירונג איז פאַר זיי געווען אַ שווערער קלאַפּ, אַ דערנידעריקונג. און אָט האָבן זיי זיך גענומען מיט אַלע מיטלען, וואָס זענען אין זייער רשות, צו שטערן און נישט דערלאָזן צו דער עליה.

די פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּרעסע, אויף פאַרזאַמלונגען און דער דרוק אויף די אַרבעט־פלעצער האָט ביי מענטשן מיט שוואַכע כאַראַקטערן געקאָנט אָפּשלאָגן דעם חשק צו עליה. דאָך ווייזט אויס, האָט די יעווסעקציע אין פּוילן נישט שטאַרק מצליח געווען מיט איר אַנטי־ציוניסטישער קאַמפּאַניע אין זייער אייגנטלעכער ווירקונג־ספערע — אין דער יידישער סביבה. האָבן זיי אָנגעהויבן ווירקן אין אַ צווייטן געביט, אינטערווענירן ביי די מאַכט־אָרגאַנען און פּרווון אַריינשלעפּן אָפיציעלע מלוכה־מענטשן אין זייער העצע, און דאָ און דאָרט האָט זיך איינגעגעבן.

## פאַלשע ציטאַטן פאַר אַ פאַלשער זאַך

פאַרגאַנגענעם חודש איז אין פּוילן פאָרגעקומען דער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין פּוילן. צוויי וואָכן פריער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין וורראָצלאַוו אַ קאָנפערענץ פון שטאַטישן קולטור־אַקטיוו, כדי זיך גרייטן צום צוזאַמענפאָר. האָט מען צו דער קאָנפערענץ אַראָפּגעבראַכט דעם נידערשלעזישן וואָיעוואָדע שלאַפּטשינסקי און ווי דער כמעט איינציקער רעדנער, האָט ער צווישן אַנדערע דערקלערט:

„יעטוועדע אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן פאַר אַרויספאָרן פון אונדזער לאַנד, איז אַ שעדלעכע און ליגט נישט אין די אינטערעסן פון דער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג". (ציטירט לויט דער „פאָלקס־שטימע").

מיר לייענען און שטוינען. עס לייגט זיך נאָך אויפן שכל, אויב יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן פאַרדרייען דעם רעגירונגס־קאָמוניקאַט, פאַרקריפּלען אים. אויף דעם זענען זיי יעווסעקן. אָבער ווי קומט עס, אַז אַ וואָיעוואָדע זאָל אַזוי אומריכטיק ציטירן דעם גאַנצן נוסח פונעם קאָמוניקאַט? ווי קומט אַ היכער מלוכה־באַאַמטער זאָל אַזוי פאַלש קאָמענטירן אַ רעגירונג־באַשלוס, רעדנדיק וועגן אַרויספאָרן אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, בשעת אין קאָמוניקאַט רעדט זיך בלויז וועגן ישראל? ראשית, איז דאָך נישט ריכטיק, אַז די פּוילישע רעגירונג דערמעגלעכט סתם מענטשן אַרויספאָרן פון פּוילן; צווייטנס, רעדט זיך בפירוש וועגן יידן, וואָס ווילן אַרויספאָרן אין ישראל. אויף יעדן פאַל ווייזט עס, אַז גוט דורכגעטראַכט איז די רעדע נישט געווען.

## קולטור לשם... אַנטי־ציוניזם

דער אויבנדערמאָנטער קולטור־צוזאַמענפאָר איז צוגעגרייט געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּע און פאָרגעקומען מיט נאָך גרעסערן פּאַראַד. ווי דער שטייגער, האָט מען אַלע רעפעראַטן צוגעטיילט אייגענע מענטשן, נאָר מיטגלידער פון פּזפּר. און יעדע רעדע אויפן צוזאַמענפאָר איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט אַנטי־ציוניסטישן שטאָף. ס'האָט אויך נישט געפעלט קיין פערזענלעכער אָנגריף אויף אָנפירנדיקע חברים פון מפּ"ם אין פּוילן, באַזונדערס אויף ד"ר א. בערמאַן. בפרט האָט מען קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן יעדן געדאַנק, אַז די יידישע קולטור־אַרבעט אין פּוילן זאָל אויך שעפּן פון ישראל. אָבער דאָס וויכטיקסטע — אין דער באַגריסונג אויפן צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון צ"ק פּזפּר, וויטאַשעווסקי, האָט די יעווסעקציע זוכה געווען צו הערן אַן אָפיציעלע באַשטעטיקונג פאַר איר ליניע. וויטאַשעווסקי האָט אין אַנדערע ווערטער איבערגעחזרט דאָס, וואָס ס'האָט פריער געזאָגט דער וואָיעוואָדע. אויך וויטאַשעווסקי האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו רעדן וועגן פאָרן קיין ישראל, נאָר געלייגט דעם טראָפּ אויפן פאַרלאָזן פּוילן. באמת, אַזוי אינטערפּרעטירן אַ קאָמוניקאַט, באַווייזט די נישט איבעריק

באַקוועמע סיטואַציע אין וועלכער מען געפינט זיך. אייגנטלעך, איז דאָך פּוילן נישט געווען פּרינציפּיעל קעגן ענדערן איר באַפעלקערונג־צוזאַמענשטעל. אין די יאָרן 1945—46—47 האָט זיך דורך דער פּוילישער ערד אַדורכגעטראָגן אַ ריזיקע פעלקער־וואַנדערונג. פּאַליאַקן פון כמעט אַלע לענדער פון דער וועלט האָבן זיך אומגעקערט אַ היים, קיין פּוילן. אַנטקעגן אוקראַינער, דייטשן, ווייסרוסן, לעטן, טשעכן, רומענער, פראַנצויזן און אַנדערע, וואָס האָבן פון פּוילן זיך אומגעקערט אין זייערע געבורט־ערטער. די היינטיקע פּוילישע רעגירונג האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, דאָס וואָס יידישע קאָמוניסטן און זייערע העלפער ווילן נישט פאַרשטיין, אַז דער זעלבער פּרינציפּ פון „יעדעס פאָלק אין זיין לאַנד" אין אַ תקופה פון איבערבוי און רעוואָלוציאָנערער רעקאָנסטרוקציע, איז אויך חל אויף יידן, בפרט ווען זיי ווילן דאָס, ווען זיי ווערן נישט געצוווּנגען, נאָר עס רופט זיי זייער מדינה, מדינת ישראל. דאָס איז דאָך דער יסוד פון דער פּאָזיטיווער באַציונג צום עליה־פּראָבלעם אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיטן לעצטן רעגירונגס־קאָמוניקאַט.

## זיי ווילן איבערקנעטן די געשיכטע

אויב מיר רעדן שוין וועגן קולטור־צוזאַמענפאַר, לאָמיר דאָ זאָגן עפּעס, וואָס עס וואָלטן געזאָגט אונדזערע חברים אין פּוילן, ווען די יעווסעקישע אינטריגע וואָלט נישט גורם געווען צו פאַרמאַכן די „אַרבעטער־צייטונג" און „מאָסטי", זיי זאָלן נישט קענען רעאַגירן אויף פאַרלוימדונגען. אויפן צוזאַמענפאַר האָט מען „נאַטירלעך" אַלע דערגרייכונגען צוגעשריבן אויפן חשבון פון די יידישע קאָמוניסטן. אָבער ווער ס'האָט געלעבט אין פּוילן נאָך דער באַפרייונג ווייסט, אַז די ערשטע יידישע שולן אין וואַרשע און אין לאָדזש זענען געעפנט געוואָרן אין די פּאַרטיי־קלובן פון לינקע פּועלי־ציון; אַז די ערשטע קולטור־אונטערנעמונגען אינעם באַפרייטן פּוילן זענען פאָרגעקומען אין די לאָקאַלן פון פּועלי־ציון (צ.ס.) און פּועלי־ציון לינקע, אין די קיבוצים פון השומר הצעיר, דרור און באָראָכאָוו־יוגנט; אַז די ערשטע און איינציקע יידישע מאַי־דעמאָנסטראַציעס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך פּועלי־ציון אין וואַרשע און אין לאָדזש — און געשען איז עס אין יאָר 1945, ווען די מלחמה האָט נאָך אַנגעהאַלטן; אַז דאָס ערשטע יידישע בוך אינעם באַפרייטן פּוילן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן באָראָכאָוו־פאַרלאַג אין לאָדזש, סוף 1945; אַז די ערשטע פּראָלעטאַרישע צייטונג אינעם באַפרייטן פּוילן איז געווען די איצט פאַרמאַכטע „אַרבעטער צייטונג"; די ערשטע מיטאַרבע־טער און אַקטיווע טוער אינעם היסטאָרישן אינסטיטוט (דעמאָלט יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע) זענען געווען חברים פון פּועלי־ציון; אַז די ערשטע עפנטלעכע פאַרלעזונגען און מיטינגען איבער פאַרשידענע טעמעס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די היינטיקע מפ"ם־פּאַרטייען. און נישט נאָר אַנגעהויבן האָבן מיר, נישט נאָר וואָס די בכורה פון קולטור־אַרבעט אין פּוילן געהערט אונדז, נאָר מיטבויער און מיטשעפער זענען מיר געווען פאַר דער גאַנצער צייט. און מיר האָבן נישט קיין קלייניקע חלק אינעם ווערק פון דער קולטור־געזעלשאַפט, ווו אונדזערע חברים האָבן אַריינגעלייגט אַ סך מי און שווערע פּראַצע. מעג מען טאַקע וועלן איבערקנעטן די געשיכטע און איבערשטרייכן אַלץ וואָס מפ"ם אין פּוילן האָט צושטייער געגעבן צום אויפשטייג פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן, קולטורעלן און פּאַרטייאישן לעבן — פּונקט ווי מ'האָט פּרובירט מיט דער געשיכטע פונעם געטאָ־אויפשטאַנד, אָבער דעם אמת גייט נישט צו פאַרהוילן.

מיר פאַרשטייען דאָס שטופּן זיך פון דער יעווסעקציע צו יידישער קולטור, צום „יידישן אָפּשניט" פון פּוילישן קולטור־פראָנט. דעם ניהיליזם אין באַצוג צום יידישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם דאַרף מען דאָך מיט עפּעס פאַרדעקן, איז פאַר זיי רעכט און ממש „זעלבפאַרשטענד־לעך", אַז אַנשטאָט ארץ־ישראל, איז געזונט אַ יידישע שול (וועלכע מען וועט שפּעטער אַליין

ליקווידירן); אַז אַנשטאָט ציוניזם — אַ דראַמאַטישער קרייז; אַנשטאָט בויען יידיש לעבן און די יידישע מדינה — אַ יידיש טעאַטער; אַנשטאָט זעלבשטענדיקייט — גלייכבאַרעכטיקונג, און איר העכסטער שטאַפל — אסימילאַציע! אַטאָ די אַלע סוראַגאַטן און ערזאַצן פון אַ יידיש נאַציאָנאַל לעבן, וואָס מ'האָט נישט די העזה פאַרצולייגן קיין שום פאָלק אין דער וועלט, אַנשטאָט אַן אייגענער היים, ווילן זיי אויפצווייינגען נאָר אַזאַ שווער געפרוווט פאָלק ווי דעם יידישן.

**אַ בערישע טובה**

די יידישע קאָמוניסטן אין פוילן טוען אַ בערישע טובה דער זאַך פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן קאַמף, דער גאַנצער קאָמוניסטישער באַוועגונג, דעם מאַרקסיזם בכלל, מיט זייער פאַרעלטערטן און דערפאַר נאָך מער פאַרביסענעם ריקזיכטלאָזן קרייצצוג קעגן ציוניזם, באַזונדערס קעגן פּראָלעטאַרישן ציוניזם. זיי טוען אַ בערישע טובה דעם היינטיקן פוילן, וואָס האָט מיט איר גוטן ווילן און אויפריכטיקער הילף געוווּנען יידישע סימפּאַטיע אומעטום, בפרט אין ישראל. זיי טוען אַ בערישע טובה דער קאַמפס־איינהייט פון דעם יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש, וואָס זוכט דורך קבוץ גלויות פאַרפעסטיקן און סאָציאַל הייבן די יידישע מדינה און צוזאַמען מיט איר דערהויבן ווערן.

די ווערטער פון גראַמיקאָס דעקלאַראַציע טראָגן זיך נאָך אין דער לופט. זיי האָבן באַקומען אַ באַשטימטן תיקון אין דערווירקלעכקייט פון מדינת ישראל. זיי וועלן נאָך באַקומען אַ תיקון אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָבער די יידישע קאָמוניסטן אין פוילן האָבן פאַרגעסן, איז די ווייט־גרעסטע מערהייט פון די לעבן געבליבענע יידן פון פוילן געפינען זיך שוין איצט אין ישראל. מיר זענען דער גוף, זיי — אַ רעשטל.

די פוילישע רעגירונג, האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַלע יידן פון דאָרט עולה צו זיין, דער שריט פון דער רעגירונג אילוסטריט אַמבולטסטן דעם באַנקראָט פון יידישע קאָמוניסטן אין פוילן, וועלכע פילן, אַז זיי פאַרלירן — סיי טעאָרעטיש, סיי פּאַקטיש — דעם באָדן אונטער די פיס. דעריבער זייער פאַרביסנקייט און די ווילדקייט פון זייער אַנטי־ציוניסטישער העצע. אין משך פון די לעצטע 4 יאָר האָבן אויסגעוואַנדערט פון פוילן אַ פערטל מיליאָן יידן און דער איבערוויגנדיקער טייל פון זיי איז געקומען קיין ישראל. אויך די איצטיקע מעגלעכקייטן וועלן, אַזוי האָפן מיר, ווי געהעריק אויסגענוצט ווערן. די וואָס וועלן בלייבן, וועלן, כל זמן זיי ווילן זיין יידן, ציען צו ישראל. ס'איז נישטאָ קיין ברירה. די קעמפער קעגן עליה וועלן בלייבן הענגען אין דער לופטן.

(נ"ו ת"א, 18.11.49)

# אַראַבישע ליגע – דער שלום־אַדרעס פון מק"י

**די בלוטיקע וואָך**

לענגאויס די ישראל־אַראַבישע גרענעצן, האָבן ווידער אָפּגעהילכט שאָסן און ס'זענען געפאַלן קרבנות. נאָך אַ קורצער אָטעם־פּויזע פון פאַרהעלטניסמעסיקער רו, האָבן סירישע דערהרגעט פיר גרענעץ־פּאָליציאַנטן אויפן כנרת; פון דער סירישער זייט האָט מען אין ראַיאָן פון דפנה באַשאָסן אַ ישראלדיקן עראָפּלאַן; אַ זעלנער פון צה"ל איז אומגעקומען, בעת זיין מאַשין איז אַרויף אויף אַ מצרישער מינע נעבן ניר־יצחק; עגיפּטישע אויסשפּירער און דיווערסאַנטן זענען אַנטדעקט געוואָרן אין דער געגנט פון חצרים; אין מושב נוחם, אין

דער סביבה פון ירושלים, האָבן ירדנער אַריינדרינגלער דערמאָרדעט אין זיין וווינונג דעם 45-יאָריקן עולה פון תימן, סולימאַן יחיה; און אויף צו פאַרענדיקן דעם בלוטיקן שניט פון בלויז איין וואָך, זענען צוויי ישראל־זעלנער פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַן אויפגעריסענער מינע ביי ניר־יצחק, בעת זיי האָבן אין אַן אויטאָ פּאַטרולירט דעם גרענעץ־ראַיאָן.

דער אָנהייב פון דער דאָזיקער פּאַטאַלער וואָך איז געמאַכט געוואָרן מיטן מאָרד פון די פיר שוטרים אויפן כנרת. מיט צער און צאָרן האָט דאָס לאַנד באַגלייט צו אייביקער רו אונדזערע גרענעץ־היטער, די קרבנות פון אַן אכזריותדיקן און פאַרעטערישן מאָרד אויף דער טעריטאָריע פון ישראל, אַן וועלכער ס׳איז פּראָוואָקאַציע צי אומפּריינטלעכן אַקט מצד שוטרים, וועלכע האָבן רואיק דערפילט זייער פּאַטרול־אַרבעט אויפן כנרת. פיר יונגע אומשולדיקע לעבנס זענען צוגעשריבן געוואָרן צו דער לאַנגער און טרויעריקער רשימה פון ישראל־בירגער, וועלכע זענען געפאַלן אַ קרבן פון אַראַבישער שנאה, מאָרד, גזילה, פאַרשווערונג און דיווערסיע.

דער פּשוטער בירגער אין לאַנד ווייסט, אַז אַזעלכע איבערפאַלן און קרבנות מצד סיריע, ירדן און מצרים, זענען איינגעשטימטע, אָרגאַניזירטע און צילבאַוווּסטע אַקציעס, וואָס ביי דער איצטיקער געשפּאַנטער לאַגע, זענען זיי עלול אַרויסצורופן אַ מלחמה־שריפה. ס׳פּאָדערט זיך פיל קאַלט בלוט, צוריקגעהאַלטנקייט און געדולד מצד דער רעגירונג און עפנטלעכער מיינונג נישט צו רעאַגירן „מידה כנגד מידה״ אויף אַזעלכע בלוטיקע אַקטן.

דער וואָס זעט די דאָזיקע גרענעץ־צוזאַמענשטויסן אין זייער אמתן ליכט און כוונות, דער וואָס ווייסט ריכטיק אונטערשיידן צווישן פּערמאַנענטער אַגרעסיע און מאָרד ביז אַן איינמאַליקן, פאַרצווייפלטן רעוואַנזש־אַקט אויף אַנצולערנען און אָפּצושרעקן די רוצחים זיי זאָלן אָפּשטעלן זייער מאָרד־מלאכה — מוז קומען צו דער איינציקער מסקנה:

אַ שלום אויפן נאָענטן מזרח איז מעגלעך נאָר דעמאָלט, ווען אַלע אַראַבישע מדינות וועלן משלים זיין מיטן עצם קיום פון מדינת ישראל און זייערע הערשער וועלן אָנעמען דעם פאָרשלאָג פון דער איצטיקער ישראל־רעגירונג זיך אוועקצוזעצן ביי איין טיש צו פאַרהאַנדלונגען, אַן פריערדיקע באַדינגונגען.

אַזוי טראַכט דער רוב פּאָליטישע פּאַרטייען אין דער מדינה, אַזוי פילט דער פּשוטער ייד אין ישראל. ביי דער מיינונג איז די יידישע עפנטלעכקייט אין דער וועלט און די פריינט פון אונדזער מדינה אין פאַרשידענע לענדער און קאָנטינענטן.

## דער כנרת־אינצידענט — אויפן הימל אַ יאַריד

בלויז איין פּאַרטיי וואָס האָט זיך אַליין געקרוינט אַלס קאָמוניסטישע און פּאַטריאָטישע — די טרויעריק־באַרימטע מק״י — האָט אין איר פּאַטאָלאָגישער שנאה צום ציוניזם און צו מדינת ישראל, נישט דערזען די פּשוטע, גלייכע וועגן צו לייזן דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט און די כוחות וואָס וואָלטן געקאָנט איינשטעלן אַ שלום אויפן נאָענטן מזרח.

ווי אַ רעאַגירונג אויף דעם בלוטיקן מאָרד אויפן כנרת פון פיר אומשולדיקע יידישע קרבנות, איז אין דער מק״יסטישער פּרעסע דערשינען אַן אַרטיקל, וועמענס קעפּל אַליין זאָגט פיל מערער ווי טויזנטער שבועות און פאַרזיכערונגען, אַז זיי, גאָר זיי, זענען די ריטער פון ערלעכן, ריינעם פּאַטריאָטיזם. דער סירישער רציחה איבער פיר שוטרים, האָט מק״י אַ נאָמען געגעבן „דער כנרת אינצידענט״. כדי צו באַרעכטיקן אַזאַ אומשולדיקן קאָפּ, ווערט גלייך אין אָנהייב געגעבן די אויסטייטשונג:

די שפּאַנונג אויף דער ישראל־סירישער גרענעץ האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט. אין רעזולטאַט פון בלוטיקן אינצידענט אויפן כנרת־ברעג, זענען דערהרגעט געוואָרן דריי ישראלדיקע שוטרים און דעם גוף פון נאָך איינעם האָט מען נאָך נישט געפונען.

לויט די מק״י־רעדאַקטאָרן קומט אויס, אַז פיר ישראל־שוטרים זענען אומגעקומען צוליב עפּעס אַן אינצידענט סתם, וואָס מען ווייסט נישט אַפילו ווער ס׳האָט אים אַרויסגערופן. ממש — אויפן הימל אַ יאַריד... און פונקט ווי זיי פאַרדעקן דעם נאָמען פון די אמתע רוצחים, אַזוי ווייסן זיי שוין אויף זיכער, ווער ס׳וויל, נעבעך, באַפאַלן סיריע און זיך נוקם זיין פאַרן „אינצידענט״. אינעם זעלבן אַרטיקל ווערט דאָס געזאָגט דווקא אַן פאַרמאַסקירונגען:

„דער דאָזיקער אינצידענט האָט ווידער צוגעגאָסן אײל צו דער אָנגעגליטער אַטמאָספער און ווידער הערן זיך שוין רופן צו אַוואַנטוריסטישע מיליטערישע אַקציעס קעגן סיריע און קעגן אַראַבישע לענדער״.

ווען נישט די דאָזיקע פאַטערלעכע זאָרג פון מק״י פאַר סיריע און די אַראַבישע לענדער, ווער ווייסט צי פונעם אַרטיקל אין „פריי ישראל״, וואָלט דער אומוויסנדער לייענער דאָ, און באַזונדערס די יידיש־לייענער אין אויסלאַנד, וועמען די דאָרטיקע יעווסעקישע פּרעסע שטעלט צו דעם „פריי־ישראלדיקן״ מאַטעריאַל, געהאַט כאָטש אַ באַגריף וועגן דער אידענטי־פיצירונג פון די רוצחים. ווייל אויב גלאַט אַ „כנרת־אינצידענט״ — האָט גרייִלעך געקאָנט געמאָלט זיין, אַז די יידן גופא האָבן אויף זיך געשאָסן... נאָר די „רופן צו אַוואַנטוריסטישע מיליטערישע אַקציעס קעגן סיריע״ לאָזן אונדז ערשט וויסן, אַז אינעם „כנרת־אינצידענט״ איז אויך פאַרמישט דער אַראַבישער שכן פון יענעם ברעג.

די זעלבע לייט פון מק״י, וועלכע זענען אַזעלכע מילדע מחותנים לגבי די אַראַבישע הערשער און זענען גרייט זיי צו געבן אַ קניפּ אין בעקל פאַר דער „פיינער״ אויפירונג, ווערן אויסער זיך פאַר צאָרן, ווען דאָס מעסטל פון אַראַבישער אַגרעסיע ווערט איבערפולט און די באַוואָפנטע כוחות פון צה״ל זענען געצוווּנגען אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן צו רעאַגירן און דערלאַנגען דעם רוצח אַ קלאַפּ אין זיין אייגענער נעסט. דער מק״יסטישער לעקסיקאָן געפינט נישט דעמאָלט קיין אַנדערע באַצייכענונגען פאַר דער רעגירונג און צה״ל ווי: „בן גוריון פּראָוואָצירט מלחמה״; „צה״ל באַפאַלן פרידלעכע אַראַבער״; „אויפן באַפעל פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָבן יידישע זעלנער אַדורכגעפירט אַ בלוט־באָד אין מצרים״ — און נאָך און נאָך. ווען אָבער סיריער מאָרדן און שיסן, ווען מצרישע דיווערסאַנטן פירן אַדורך בלוטיקע תתונות ווי די אין מושב פּטיש, ווען ירדנער פאַרגנבענען זיך ביינאַכט אין שטילע דערפער כדי מאָרדן ישראל־בירגער לשם מאָרד — דעמאָלט איז עס אין די אויגן פון אונדזערע „קאָמוניסטן״ סתם אינצידענטן, וואָס מען ווייסט נישט ווער ס׳האָט זיי אַרויסגערופן, דער עיקר — וועמען דאַרף מען רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אינעם אויבנדערמאָנטן אַרטיקל „דער כנרת־אינצידענט״ איז טאַקע מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן וועלכע ס׳איז פאַראורטיילונג לגבי די סירישע הערשער, אַ פעסטשטעלונג פון זייער אחריות לגבי דעם כנרת־מאָרד.

### מק״י האָט אַן „אויסוועג״ פאַר אַ שלום

יעדע מעשה, אַפילו אַ גאָר טרויעריקע, האָט אַ סוף. אויך די מק״יסטישע אָפּשאַצונג פונעם „כנרת־אינצידענט״ ענדיקט זיך... מיט אַ ווענדונג און רוף צו שלום (פאַרשטייט זיך, אַז בלויז אויפן אַדרעס פון ישראל). נאָר אויף וועלכע באַדינגונגען?

אפשר אויפן סמך פון די אָפטע אָפיציעלע דעקלאַראַציעס פון דער כנסת־טריבונע און ביי אַנדערע געלעגנהייטן אין נאָמען פון דער גאַנצער רעגירונג, אַז זי וועט נישט אָנהייבן קיין מלחמה און אַז איר פּרעמיער איז צו יעדער צייט און אויף יעדן אָרט גרייט צו טרעפן זיך מיט נאָצערן אויף שלום־געשפּרעכן? צי גאָר דער איינשטימיקער באַשלוס פון דער רעגירונג קעגן אַן „איניציאירטער מלחמה״? צי די אַנטשלאָסענע אָפּגערענצונג פונעם „באַג־

דאַדער בונד", ביי דער גלייכצייטיקער דערקלערונג פונעם אויסערן־מיניסטער, אַז „אַ זיכערהייט־בונד מיט די פאַרייניקטע שטאַטן שטייט נישט איצט אויפן סדר־היום"?

ניין. גאַרנישט! אין די אויגן פון מק"י זענען די אַלע דעקלאַראַציעס, פאַרזיכערונגען און דערקלערונגען נישט ווערט אַפילו אַ שמעק טאַבאַק, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זענען אַרויסגעברענגט געוואָרן דורך יידן און ישראלים (ציוניסטן — רחמנא ליצלן)... אונדזער היימישע יעווסעקציע האָט אַ מער ראַיעלערע און סאָלידערע קוועלע אויף וועמען זיך פּאַרופן, שטיצן, ציטירן און... אויפבויען אַ פעלזנפעסטע שלום־געביידע פאַר ישראל און אירע שכנים. דאָס איז — — —

נאָר לאָמיר ווידער איבערגעבן דאָס וואָרט צו „פריי ישראל":

„אַט האָט די וואָך די אַראַבישע ליגע זיך געוואָנדן צו דער אונ"אָ מיט אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן עס שרייבט זיך צווו. אַנד. אַז: די פראַגע פון א"י קאָן געפינען אַ לייזונג, אויב עס וועט געפונען ווערן אַ לייזונג פאַר דער פראַגע פון פּליטים. די דאָזיקע פראַגע קאָן געלייזט ווערן דורך איינאָרדענען זיי אין זייערע היימען. דאָס איז אַ ביישטייער פון די אַראַבישע לענדער פאַרן שלום אין ראַיאָן, אָדער אַ צוגרייטונג פאַר אַ געוויסער לייזונג פון דער פראַגע, וואָס קאָן דערפירן צו אַ שלום".

און די צייטונג פאַרענדיקט:

דער דאָזיקער מעמאָראַנדום פון 8 אַראַבישע מדינות איז זייער אַ וויכטיקער דאָקומענט. דאָס הייסט דאָך, אַז מען קאָן פאַרהאַנדלען, אַז ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו געפינען אַ לייזונג, אַפילו פאַר אַזאַ שווערער פראַגע, ווי די פראַגע פון פּליטים.

אויף אַ פּאַפּירל פון דער אַראַבישער ליגע, דעם באַשעפעניש פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, בויען מיקוניס און סנה זייערע האָפענונגען אויף אַ שלום אין ראַיאָן; אויף דער זעלבער ליגע, אין וועלכער ס'זענען פאַרטראָטן: דער דיקטאַטאָר עבדאַל נאַצאַר, אין וועמענט מדינה ס'איז נישטאָ קיין פּאַרלאַמענט, קיין פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, קיין פּאָליטישע פּאַרטייען, קיין פרייהייט פון פּרעסע און פאַרזאַמלונגען, קיין שלום־באַוועגונג, קיין קאָמוניסטישע צי וועלכע ס'איז אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטיי; דער מלך פון סעודיה, וועלכער האָט איין „רעצעפּט" פאַר ישראל: זי ליקווידירן און אירע בירגער שליידערן אין ים, דער, אין וועמענס מדינה ס'בליט דער שקלאַפן־האַנדל און וועמענס נאַפט אוצרות און שטחים פון לאַנד זענען איבער־געגעבן אין רשות פון אַמעריקאַנער נאַפט־געזעלשאַפטן און אַמעריקאַנער מיליטערישע איינ־הייטן; דער מלך פון ירדן, וועלכער האָט גלייך נאָכן פאַרטרייבן גלאַבן דערקלערט וועגן אַ ווייטערדיקער אויפגאַבע — „צו באַפרייען גאַנץ ארץ־ישראל"; דער מלך פון עיראַק, וועלכער האָט אַפילו נישט געוואָלט חתמענען דעם וואָפנשטילשטאַנד־הסכם מיט ישראל און אויפגע־שטעלט דעם באַגדאַדער בונד; די פּרעזידענטן פון סיריע און לבנון, וועמענס אַריינדרינגלער און מיליטער, ספּעציעל פון סיריע, גיבן אונדז די מעגלעכקייט זייער אָפט צו דערמאָנען וועגן די „שלום־טענדענצן" פון אונדזערע שכנים; דער הערשער פון תימן, וועמענס עפּנטלעכע אַרויסטרעטונגען הייבן זיך אָן (אָדער ענדיקן זיך) מיט דעקלאַראַציעס וועגן פאַרניכטן ישראל.

אַט די דאָזיקע אַראַבישע ליגע, וועמענס עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג איז געשטיצט בלויז און אויסשליסלעך אויף אומצוברענגען די יידישע מדינה, איז אין מק"יס אויגן אויסגעוואַקסן צו אַ פאַקטאָר פון פרידן אין אונדזער ראַיאָן, אויפן סמך פון אַ גאַרנישט־זאָגנדיקער און צו גאַרנישט־פאַרפּליכטנדיקער ווענדונג צו אונ"אָ וועגן צוריק אַריינלאָזן די פּליטים קיין ישראל.

## קעגן דער שלום־באַוועגונג אין ישראל

מק״י וויל ביי יעדער געלעגנהייט אויפווייזן איר טריישאַפט און צוגעבונדנקייט צו די באַשלוסן און פּרינציפּן פון דער שלום־באַוועגונג אין לאַנד. האָט דאָך דער ועד למען השלום בפירוש באַשלאָסן, אַז אַ ישראל־אַראַבישער הסכם קאָן דערגרייכט ווערן אָן פרעמדע פּאַרמיטלער און אָן פריערדיקע באַדינגונגען! דער פאַרבאַדינג פון דער רעאַקציאָנערער אַראַבישער ליגע וועגן צוריקנעמען די פליטים מיט וועלכן עס סאָלידאַריזירט זיך מק״י און באַצייכנט עס אַפילו ווי אַ וויכטיקער דאָקומענט, איז דאָך אַ בפירושע פאַרלעצונג פונעם עיקר־פּרינציפּ פון דער שלום־באַוועגונג און פון דער גאַנצער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין ישראל.

כדאי אויך אונטערצושטרייכן, אַז די אַראַבישע פעלקער ווערן אין דעם פאַל לגמרי נישט דערמאָנט. זיי, אויף וועמען מק״י פלעגט ביי פאַרשידענע קאָניוקטורן און געלעגנהייטן זיך שטיצן אַלס די טרייב־קראַפט פאַר שלום און פּראָגרעס אויפן נאָענטן מזרח, זענען אין דער „פריי־ישראל״־אָפּשאַצונג וועגן „כנרת־אינצידענט״ אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען. אויך אין דעם איז פאַראַן אַ „לאָגיק״, פאַרשטייט זיך — אַ מק״יסטישע. ווייל אויב די אַראַבישע ליגע איז די פאָן־טרעגערין פון שלום; אויב נאַצאַר צי כוסיין מלך ירדן זענען די אַנטי־אימפּעריאַליסטן און „נייטראַליסטן״ — רעדן זיי שוין אין נאָמען פון די דורך זיי אונטערדריקטע פעלקער, וועמען אויך מק״י האָט אויף איר שטייגער „ליקווידירט״...

## אַ פּראָגרעסירנדיקער צוריקטריט

דער 20סטער קאָנגרעס פון דער סאָוויעטישער קאָמפּאַרטיי האָט אויפן סמך פון דערפאַרונגען, אָפּשאַצונגען און איבערשאַצונגען פון ווערטן געהאַט מוט און דרייסטקייט צו רעווידירן פעלערהאַפטע איינשטעלונגען, פאַרקלענערן דעם קולט פון אַ פאַרשטאָרבענעם פירער, אָנערקענען פאַרשידענע וועגן צום סאָציאַליזם און געווען אויך איינשטימיק אויף איבערצושרייבן די געשיכטע פון דער פּאַרטיי.

בלויז מק״י אין ישראל, וועמענס גענעראַל־סעקרעטאַר האָט אַפילו בייגעוווינט דעם קאָנגרעס אין מאָסקווע, האָט גאָרנישט געלערנט פון די נייע אַנטוויקלונגען. בלינדקייט, פאַרגליווערטקייט און שנאה צום ציוניזם ליגט זיי אַזוי אין בלוט, אַז ווער ווייס, אויב ס'וועט אַמאָל קומען די שעה און אויך מאָסקווע וועט ענדערן איר באַציאונג צו אונדזער באַפרייונגווערק (אין וואָס מיר האָבן אַ רעכט צו גלויבן) — צי זיי וועלן זיין פעיק אַדורכצופירן די נייע ליניע מיט אַזאַ אייפער און ברען, ווי מק״י טוט דאָס איצט אין איר אַנטי־ישראלדיקייט. דאָרט ווו ס'קומט צו נאַציאָנאַל־יידישע און ישראלדיקע ענינים, ווייזט מק״י אַרויס אַ געוואַלדיקע פעיקייט צו גיין... אויף צוריק.

די „נייע״ אָריענטאַציע פון מק״י אויף דער אַראַבישער ליגע, איז נאָך איין שוואַרצער בלאַט אין דער געשיכטע פון אונדזער היימישער „קאָמוניסטישער״ פּאַרטיי — אַ געשיכטע וואָס ציט זיך זינט דער צוזאַמענאַרבעט מיטן מופטי, ביזן אויסלויבן איצט די אַראַבישע פעאָדאַלע, דיקטאַטאָרישע און רעאַקציאָנערע הערשער. אַנשטאָט איבערשרייבן איר אייגענע היסטאָריע, טוט מק״י גאָר צושרייבן אַ ניי, טרויעריק זייטל צו איר געשיכטע, מיטן שטיצן זיך אויפן פריש־געבאַקענעם פאַרבינדעטן — די אַראַבישע ליגע.

אויך וועגן דעם וועלן די אָפּלייקענער פונעם אייגענעם פאָלק דאַרפן אַמאָל אָפּגעבן אַ חשבון!

(אד״ו ת״א, 15.3.59)

# אַ ווידוי אָן חרטה, אָן מסקנות

(וועגן אַרטיקל אין דער „פֿאָלקסשטימע" — „אונדזער ווייטיק און אונדזער טרייסט")

**דער קאָנגרעס־צוג אָנגעקומען אויך צו אַ יידישער סטאַציע...**

סוף פעברואַר 1956, געציילטע טעג נאָכן פאַרענדיקן דעם 20סטן קאָנגרעס פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט דער שווער באַלאָדענער צוג מיט די קאָנגרעס־באַשלוסן זיך שנעל אַ טראָג געגעבן איבער די רחבותן פון ראַטן־פאַרבאַנד, איבער שטעט פון אייראָפּעישע מדינות און דערנאָך אוועק אויף דער ברייטער וועלט, כדי אויסלאָדענען דעם באַגאַזש וואָס האָט באַדאַרפט העלפן בעסער פאַרשטיין דעם באַדייט פון די היסטאָרישע ענדערונגען און פון דער נייער ליניע. צענדליקער טויזנטער אַגיטאַטאָרן און די גאַנצע פּרעסע אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן געגעבן דעם סאָוויעטישן טייטש פון די באַשלוסן, בעת טאָרעז אין פראַנקרייך, טאָליאַטי אין איטאַליע, אָכאַב אין וואַרשע, אולבריכט אין מזרח־בערלין, נאָוואָטני אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע קאָמוניסטישע טוער אין פאַרשידענע לענדער, האָבן אויף זייער שטייגער, מיט זייער לאַנדשפּראַך און אין ליכט פון די דערפאַרונגען און אַנטוויקלונגען אין זייערע מדינות, אַנאַליזירט דעם פאַרגעקומענעם קאָנגרעס און אָנגעצייכנט וועגן פאַר דער פּאַרטייאישער און מלוכהשער פּאָליטיק פון יעדן לאַנד באַזונדער.

אָן איבערראַשטע וועלט האָט געגאַפּט פון די אַנטפּלעקונגען אויפן קאָנגרעס: פונעם אַראָפּרייסן דעם פערזאָנען־קולט, פון בעריאַ'ס מעשים־תעתועים, פון דער טעזע אַז עס מוז נישט קומען צו קיין באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס צווישן לענדער מיט פאַרשידענע רעזשימען און אַז יעדע מדינה קאָן און מעג אָנווענדן איר אייגענעם וועג צום סאָציאַליזם.

גרויסע טיילן פונעם יידישן פאָלק, אומאָפּהענגיק פון זייערע איינשטעלונגען צו פסס"ר, האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד און געוואַרט אויפן דאָזיקן צוג. וועט ער זיך אויך דערקייקלען צו אַ יידישער סטאַציע? ווען וועט זיין „פּייף" זיך דערהערן אין ירושלים, ניו־יאָרק, לאָנדאָן צי פּאַריז, ווו ס'זענען פאַראַן קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן? אפשר גאָר וועט דער יידישער וואַגאָן פונעם צוג אָפּגעטשעפּט ווערן אין מאָסקווע און פון דאָרט וועט זיך דערטראָגן דאָס נייע לגבי אונדז?

ערשט נאָכדעם ווי דער רוב קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן אויף זייער שטייגער זיך געספּראַוועט מיט די קאָנגרעס־מאַטעריאַלן, פאַרדייעט די באַשלוסן און אָנגעהויבן איבער־שטעלן די אַרבעט אויף נייע רעלסן; שוין נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס־צוג האָט אַדורכגעמאַכט זיין וועלט־רייזע און בשלום געוואָלט זיך אומקערן צו דער אַרויספאָר־סטאַציע — האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער יידישער וואַגאָן איז געבליבן נישט אויסגעלאָדנט, אַז באַזאַמען מיט די רעזאָלוציעס פונעם צוואַנציקסטן קאָנגרעס, געפינט זיך דאָרט אַ ליטעראַרישע ירושה פון אַ דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, י. קושניראָוו, איציק פעפער, דער נסתר און אַנדערע — און מיר האָבן זוכה געווען, אַז ערשט אָנהייב אַפּריל האָט דער דאָזיקער וואַגאָן זיך דערקייקלט צו אַ פאַרוואָרפענער, ווייניק באַוווּסטער יידישער סטאַציע, וואָס טראָגט דעם נאָמען רעדאַקציע „פֿאָלקסשטימע" אין דער הויפּשטאָט פון פּוילן.

**פאַר וואָס אָן אַ נאָמען?**

דעם 4טן אַפּריל 1956, אינעם אָרגאַן פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי „פאָלקס־שטימע" וואָס דערשיינט אין וואַרשע אין דער יידישער שפּראַך, האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל (אָן אַן אונטערשריפט) „אונדזער ווייטיק און אונדזער טרייסט". די אַנאָנימע מחברים באַשטעטיקן דאָרט דעם שוידערלעכן אומקום פון אַ גאַנצער פּלעיאַדע טאַלאַנטפולע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער און דיכטער, אַנווייזנדיק אומצווויידייטיק אויף זייער רוצח —

לאַוורענטי בעריאַ. אויך לאָזט זיך פון דעם אַרטיקל אַרויספילן אַ טיפער יידישער קרעכץ איבערן אומגליק — סיי צוליב די אומשולדיקע קרבנות, סיי צוליבן פאַרניכטן אַ גאַנצע ליטעראַטור פון אַ פאָלק.

ס׳איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז די וואַרשיינלעכע מחברים פונעם אַרטיקל אין דער „פאָלקס־שטימע" זענען **שמעון זאַכאַריאַש, פּראָפ׳ ב. מאַרק, מיכאל מירסקי, דוד ספרד, ה. סמאָלאַר** און **י. לאַזעבניק** — אפשר נאָך איינער צי עטלעכע נעמען, אָדער ווייניקער פון די אויסגערעכנטע. אָבער פאַר וואָס האָט די דאָזיקע יידן נישט געסטייעט קיין מוט אַוועקצולייגן זייערע אונטערשריפטן אונטערן „ווייטיק און טרייסט"? פאַרוואָס האָט גראָד דאָס איינאָונאייני־ציקע אַרטיקל וואָס פאַרנעמט זיך מיטן באַלויכטן די קאָנגרעס־באַשלוסן אויף אַ יידישן שטח, געמוזט דערשיינען אָן אַ טאַטן? און צי דאַרף טאַקע די דאָזיקע פּובליקאַציע ברענגען צום אויסדרוק אונדזערע אָנגעווייטיקטע יידישע ענינים און צייכענען אַ וועג פאַרן יידישן פאָלק אין ליכט פון די באַשלוסן פונעם צוואַנציקסטן קאָנגרעס? זענען דאָס די נייע „עשרת הדברות" פונעם ראַטן־פאַרבאַנד און פון דער קאָמוניסטישער וועלט לגבי דער יידן־פראַגע?

געווען אַ גרונט צו גלויבן, אַז נאָך אַזעלכע ראַדיקאַלע ענדערונגען און איבערראַשונגען אויפן קאָנגרעס אין אַלע שטחים פון סאָוויעטישן לעבן, וועט זיך לאָזן הערן אַ רמז וועגן הרטה לגבי דעם באַוועלה׳טן יידישן פאָלק. און אויב ס׳וועלן זיך וועגן דעם נישט אַרויסזאָגן אַזעלכע אויטאָריטעטן ווי כרושטשאָוו צי בולגאַנין, וועט כאָטש עמעץ אַנדערש פון צענטראַל־קאָמיטעט געפינען פאַר נייטיק אָנצודייטן דעם נייעם קורס לגבי יידן. ליידער, אויפן קאָנגרעס גופא האָט מען נישט געהערט „קיין יידיש וואָרט" פון קיינעמען. אויך לאַנגע וואָכן נאָכן קאָנגרעס, האָט מען איבעם יידישן סעקטאָר נישט געזען קיין ענדערונגען לויטן קאָנגרעס־נוסח — און דאָס וואָס ס׳איז אַזוי שפּעט געקומען צום אויסדרוק אין דער „פאָלקס שטימע", איז באמת אַ גרויסער ווייטיק, אָבער אַ גאָר קנאַפּע טרייסט.

**אַ געדוונגענער קדיש**

ווי טרויעריק־רירנד און ווייטיקלעך עס זאָל נישט קלינגען אין דער „פאָלקס שטימע" דער הספד איבער די פאַרשניטענע יידישע שרייבער, ווי מיר זאָלן נישט אַרויספילן אַ מין ווידוי און אַפילו אַ פאַרבאָרגענע טרער איבערן גורל פון אַ דוד בערגעלסאָן און זיינע שרייבער קאָלעגן, קאָנסטו זיך אָבער נישט באַפרייען פונעם געפיל, אַז נאָך אַלעמען איז עס אַ געדוונגענער קדיש, אַ באַשטעלטער אל מלא רחמים איבער די קברים פון די יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער קדיש, אַ געוואַלטיק פאַרשפּעטיקטער, פאַרמאָגט נישט אין זיך די אינערלעך־איבערגעלעבטע יסורים צוליבן געשעענעם, נאָר ברענגט צום אויסדרוק נאָכקאָפּירטע און איבערגעחזרטע קינות.

ס׳אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז די מחברים פונעם אַרטיקל אין דער „פאָלקס־שטימע", זענען פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט מאָראַליש און פּאָליטיש מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען מיט די יידישע שרייבער און דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, הגם זיי זענען זיך דערצו נישט מודה מיט קיין איין וואָרט. און אויב „אונדזער ווייטיק און אונדזער טרייסט" איז אַן קאָמענטאַרן און באַמערקונגען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער היגער מק״י־פּרעסע און אין די יעווסעקישע צייטונגען אויף דער וועלט, מיינט עס, אַז דאָס דאַרף זיין דער נייער וועג פון יידישער סטראַטעגיע און טאַקטיק נאָכן צוואַנציקסטן קאָנגרעס.

איז דאָס טאַקע אַ נייער וועג?

מיינט דאָס וועזנטלעכע ענדערונגען אין דער ייד.־פּאָליטיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד און פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג בכלל?

האָט מען עפּעס געלערנט פונעם ווילדעווען פון דער בעריאָווטשטשינע, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן אין פסס״ר?

איז פאַרזיכערט אויף ווייטער אַ דויערהאַפטיקער קיום פון יידישער שאַפונג אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא, אין די סאָציאַליסטישע לענדער און אויף דער וועלט בכלל?

האָבן די קאָנגרעס־ווינטן זיך אַריינגעריסן אויך אינעם תחום פונעם יידישן לעבן, דערגרייכט אויפן נאָענטן מזרח און עטוואָס אָפּגעקילט דאָס צו אָפטע מצרישע פייער (מיטן טשעכישן געווער), אָדער אָפּגעשוואַכט די סאָלידאַריטעט פונעם ראַטן־פאַרבאַנד מיט דער אַראַבישער וועלט,ביים גלייכצייטיקן פאַרזען ישראל מיט אירע אויסגעשטרעקטע הענט נאָך שלום?

אויב אורטיילן לויטן אַרטיקל אין דער „פאָלקס־שטימע״ — און פאַרלויפיק איז דאָס דער איינציקער יידיש־דאָקומענט פונעם 20סטן קאָנגרעס — מוזן מיר אויף די אַלע, פריער־געשטעלטע פראַגן, ענטפערן מיט אַ באַדויערנסווערטיקן ניין!

פון דעם ווידוי־אַרטיקל באַקומט זיך, אַז צום אומקום פון די יידישע שרייבער און טוער אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן גורם געווען צוויי סיבות: דער פערזאָנען־קולט און די א. ג. בעריאָווטשטשינע. אויב אַזוי, האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז ווי נאָר בעריא איז אַראָפּ פון דער אַרענע און דער אַנטיסעמיטישער דאָקטוירים־בלבול איז בטל געוואָרן, זאָלן די רעדאַקטאָרן פון דער „פאָלקס־שטימע״ שוין דעמאָלט פאָדערן די רעהאַביליטאַציע פון די יידישע פען־מענטשן אין פסס״ר. די זאַכאַריאַשעס און מירסקי׳ס קאָנען נישט לייקענען, ווי רירנד זיי זאָלן איצט נישט שרייבן וועגן די קרבנות פון די בעריא־מערדער, אַז גאַנצע דריי יאָר נאָכן טויט פונעם הויפּט־רוצח, האָבן זיי געשוויגן. אויב זיי האָבן ווען יאָ גענומען אַ וואָרט אין דער פּראַגע, איז עס נאָר געווען צו באַווייזן, אַז די יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד איז גאָרנישט געשען, אַ סימן — עפּעס אַ יעווסעקישער זשורנאַליסט פון קאַנאַדע האָט געהאַט אַ שמועס מיט אַ כלומרשט אומגעקומענעם שרייבער; אַז אינעם ראַטן־פאַרבאַנד איז בכלל נישט נויטיק קיין יידישע ליטעראַטור, ווייל ס׳איז נישט פאַראַן קיין נאָכפראַגע אויף אַ יידיש בוך צי אַ צייטונג; און אַז אין פסס״ר בליט גאָר אַ יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, אַ באַווייז — לכבוד ראש־השנה האָט הרב שליפער געשיקט אַ שלום־אַפּעל צו דער אגודת ישראל אין ענגלאַנד...

ס׳איז ערשט נייטיק געווען אין יאָר 1956 אַ צוואַנציקסטער קאָנגרעס פון דער פּאַרטיי, ס׳האָט זיך געפאָדערט אַז כרושטשאָוו און מיקאָיאַן זאָלן אַראָפּרייסן דעם פערזאָנען־קולט און בעריאַן, כדי אויך די „פאָלקס־שטימע״ זאָל אַ קרעכץ טאָן איבער יידישע ענינים און געבן אַ כאילו יידישע באַלויכטונג צו דעם אַלעמען וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ פאַר אונדזערע אויגן.

## אויך קולטור דאַרף האָבן טעריטאָריע

אינעם ווידוי־אַרטיקל פון דער „פאָלקס־שטימע״ ווילן די חברים געפינען אַ טרייסט:

א) די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די קעמפערין פאַרן אמת וואָס אין דער אונטערשטער שורה, „מוז ער און וועט זיגן״; ב) ביים היינטיקן טאָג זענען העכער 60 יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד צוריק שעפעריש און גרייטן אַרויסצוגעבן זייערע ווערק; ג) אַז די לעניניסטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק לגבי די יידן ווערט איצט, פּונקט ווי אין די ערשטע צוויי צענטליק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, ריכטיק אָנגעווענדעט.

די אַלע טרייסט־פּונקטן חזרן איבער אַלטע פעלערן און פאַלשע איינשטעלונגען.

אפשר איז באַרעכטיקט דער גלויבן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטן־פאַראַנד, וועלכע איז איצט איבערגעגאַנגען צו אַ קאָלעקטיווער אָנפירונג און אויסגעוואָרצלט אַ ריי נעגאַטיווע דערשיינונגען אינעם מלוכהשן און פּאַרטייאישן לעבן. ס׳איז אויך דער פאַרדינסט

פון דער פּאַרטיי אויפן געביט פון אינדוסטריאַליזאַציע, קאָלעקטיוויזאַציע און קולטור־אויפטוען, ווי די אָנווענדונג פון דער לעניניסטער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק לגבי אַלע פעלקער פונעם ראַטן־פאַרבאַנד. די מעשה איז אָבער די, וואָס טאַקע לענין האָט פאַרזען און פאַרלייקנט די ספּעציפישקייט פונעם יידישן פאָלק און דערפאַר אים צוגעשריבן אַ לאַנגזאַמען אָבער געוויס ווירקזאַמען טויט: אַסימילאַציע. קיין ווונדער, וואָס די יידישע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אַזוי שנעל אומגעברענגט געוואָרן, ווי נאָר ס׳זענען פאַרשיקט אָדער געטויט געוואָרן די שרייבער. אויך קולטור און ליטעראַטור דאַרף האָבן באָדן אונטער די פיס. אויך פאַר דער יידישער מינדערהייט דאָרט האָט דאָס אָנווענדן דעם לעניניסטן פרינציפּ פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע באַדאַרפט מיינען — אייגענע טעריטאָריע, אַן אייגן לאַנד. צו דער מסקנה זענען געקומען אַ ריי סאָוויעטישע מלוכה־מענער, מיטן פאַרשטאָרבענעם קאַלינין בראש. אָבער דווקא די דימאָנטשטיינ׳ס, ליטוואַקאָוו׳ס און אסתר פרומקינ׳ס, וועמען דאָס נעקראָלאָג־אַרטיקל אין דער „פאָלקס־שטימע״ רעכנט אויס צווישן די אומגעברענגטע, זענען געווען די ערשטע פאַרלייקענער, אַפילו פונעם טעריטאָריאַליזם נוסח בירא־בידזשאַן. זיי, פונקט ווי זייערע נאָכפאָלגער, וועלכע ווייַנען איצט אויף די שפאַלטן פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע״, פאַריזער „נייע פרעסע״, ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט״, תל־אביבער „קול העם״ און „פריי ישראל״, ווילן נאָך אַלץ נישט אָנערקענען די אַלוועלטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק און די נויטווענדיקייט פון אַ טעריטאָריאַלער לייזונג פון אַלע זיינע ספּעציפישע פראָבלעמען.

ס׳איז טאַקע אַ שטיקל טרייסט דער פאַקט, וואָס 60 יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען שעפעריש טעטיק. האָט וועגן דעם געמוזט דערציילן דווקא די וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע״? איז דען שווער געווען אַרויסצוגעבן זייערס אַן אַלמאַנאַך, צי אַ זאַמלונג אין מאָסקווע גופא? און אַגב אורחא, פאַרוואָס האָט קיין איינער פון די זעכציק נישט אַרויסגע־טרעטן אויפן קאָנגרעס גופא צי פון אַן אַנדערער טריבונע אין מאָסקווע, כדי לאָזן הערן זיין פּראָטעסט און צער איבער אומקום פון די שרייבער? פאַרוואָס ווידער אַזאַ געהיימניס־פולקייט, נעפל און נישט־דערזאָגטקייט?

דעריבער פאָדערט זיך אַן אומבאַדינגטע אויפקלערונג פון דער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט, פון די זעלבע קרייזן פונוואַנען ס׳זענען מיט אַזאַ געוואַגטקייט און מוט אַרויסגעברענגט געוואָרן די קאָנגרעס־באַשלוסן — וועגן ווייטגייענדיקע ענדערונגען אויך לגבי דעם יידישן לעבן, אָנהייבנדיק פון דער טעריטאָריעלער לייזונג, ביז אַ ברייטפאַרמאָסטענער יידישער ליטעראַטור און קולטור; אַ באַנייט יידיש טעאַטער און פרעסע; פון ענגע פאַרבינדונגען פונעם סאָוויעטישן יידנטום מיט זיינע ברידער אין דער גאַנצער וועלט; דורך אָנערקענען די רעכט און קיום פון מדינת־ישראל, די האָפענונג און צוקונפט פון אונדזער גאַנצן פאָלק, פונקט ווי עס ווערן אָנערקענט אַנדערע מדינות און פעלקער.

כל־זמן איליא ערענבורג׳ס בריוו פון יאָר 1947 צום מינכענער יידישן סטודענט גילט נאָך אַלץ פאַר זאַכאַריאַשן און מיקוניסן אַלס פּראָגראַם פאַרן יידישן פאָלק; כל־זמן מען לייקנט אין אונדזער אַלוועלטלעכקייט און טעריטאָריאַליזם; כל־זמן די באַציונג צו דער יידישער מדינה און צום ציוניזם — דעם פּראָלעטאַרישן ווי דער בירגערלעכן — איז פאַרבליבן אָן ענדערונגען — וועט די ווידוי פון דער „פאָלקס־שטימע״ פאַרבלייבן נישט מער ווי אַ דאָקומענט, אָן די מינדעסטע געפילן פון חרטה, אָן ווייטגייענדיקע מסקנות.

☆

מיר פון אונדזער זייט זענען גרייט צו געבן קרעדיט דער נייער ליניע און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אַ באמת געענדערטער איינשטעלונג לגבי יידישע ענינים.

(אד״ו ת״א, 19.4.56)

# שלום פון נאָענט און פון ווייט

מיט אַ צייט צוריק האָט אין כינע געווײלט אַ דעלעגאַציע פון גוטן ווילן מצד דער יאַפּאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, הגם צווישן ביידע מדינות זענען נישט איינגעשטעלט קיין דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען און פון פאַרמעלן שטאַנדפּונקט, הערשט צווישן זיי מלחמה־צושטאַנד. פונדעסטוועגן האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שליחים שנעל און פריינטלעך זיך צוזאַמענגערעדט מיט די קאָמוניסטישע מנהיגים פונעם שכנותדיקן לאַנד און ביידע צדדים האָבן אַרויסגעוויזן איינשטימיקייט אין דער נויטווענדיקייט איינצושטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, אויסברייטערן די קאָנטאַקטן צווישן ביידע פעלקער, פאַרשטאַרקן דעם קעגנזייטיקן קולטורעלן, עקאָנאָמישן און טעכנישן אויסטויש. די אַטמאָספער פון פריינטשאַפט, צוטרוי און אויפריכטיקן ווילן פאַר צוזאַמענאַרבעט, האָבן אַמבעסטן כאַראַקטעריזירט די ווערטער פון י. אַסאַנוּאַ, ראש פון דער יאַפּאַנישער דעלעגאַציע, וועלכער האָט אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט מאַאָ טסע־דון דערקלערט:

„בעסער אַ נאָענטער שכן, איידער אַ ווייטער קרוב“...

די דאָזיקע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע אויפן ווייטן מזרח, זענען ווי אָפּגעמאָסטן פאַר דער לאַגע אין אונדזער ראַיאָן. ווער נאָך אַזוי ווי מיר וויסן, אַז די אַראַבישע רעגירונגען, אַנשטאָט זיין איינגעשטעלט אויף פריינטשאַפט מיטן ישראלדיקן שכן, אָריענטירן זיך גאָר אויף ווייטע און צווייפלהאַפטע קרובים — אַן אָריענטאַציע, וואָס איז אָן שום ספק איינע פון די וויכטיקסטע שטערונגען צו באַרואיקונג און פרידלעכן צוזאַמענלעבן.

אמת, פון אַ סך טריבונעס, באַצירטע מיט דער שלום־טויב, קומט אויס צו הערן כלערליי דעקלאַראַציעס וועגן פרידן און פעלקער־פאַרברידערונג. אָבער אַ מאָדנע זאַך: ווי נאָר די דאָזיקע לאָזונגען דאַרפן דערגיין אויפן נאָענטן מזרח, אַזוי פאַרלירן זיי זייער ממשותדיקן ווערט און באַקומען אָפּטמאָל אַ פאַרקערטן באַדייט. אָט־אָט דוכט זיך אַז די טויב פון שלום טראָגט זיך צו אונדזערע ברעגעס, אָבער אינמיטן ווערן איר די פליגל אונטערגעבראָכן און זי פאַלט גאָר אַריין אין ים, דאָרט ווו ס׳באַוועגן זיך אונטערוואַסער־שיפן... און נישט איינמאָל געשעט, אַז סאָציאַליסטישע פרידן־פּאָליטיק און קאָמוניסטישע שלום־אידעאָלאָגיע קומען אַוועק ערגעץ־ווו אויף ברייטע שליאַכן פון דער וועלט, נאָך איידער זיי דערקייקלען זיך צום סאַמע צעשטורעמטן ראַיאָן, ווו יעדן מאָמענט דראָט אַן אויפרייס. אַזאַ איינדרוק האָבן געמוזט באַשאַפן די פאַרשידענע קאָנפערענצן און צוזאַמענטרעפן אין באַנדאַנג, קאַלאַמבאָ, שטאָקהאָלם, ווין און אַנדערע ערטער. די טרויעריקע דערפאַרונג פאַר די לעצטע יאָרן האָט באַוויזן, אַז ביידע גרויסע אַרבעטער־לאַגערן, דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער, האָבן (מיט געוויסע אויסנאַמען) ווי פאַרגעסן אין זייערע הייליקע פּרינציפּן וועגן פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון פעלקער און מלוכות, נישט אַנווענדנדיק קיין שום איניציאַטיוו צו נאָרמאַליזירן די ישראל־אַראַבישע באַציונגען.

✡

שטוינונג האָט אויך אַרויסגערופן די האַנדלונג פון דער יאַפּאַנישער דעלעגאַציע אויפן לעצטנס אָפּגעהאַלטענעם קאָנגרעס פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין ווין, ווו פאַרשטייער פון צוויי צענדליק לענדער האָבן באַהאַנדלט אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער איצטיקער צייט, און צווישן זיי — די לאַגע אויפן נאָענטן אָריענט. אין די באַשלוסן וועגן אונדזער ראַיאָן, פאָדערט דער אינטערנאַציאָנאַל נישט שיקן קיין געווער אויפן נאָענטן מזרח, אָפּשטעלן די אַראַבישע דערקלערונגען וועגן מלחמה־צושטאַנד מיט ישראל, אָנהייבן דירעקטע שלום־געשפּרעכן אויפן יסוד פון די פאַראַנענע גרענעצן, פרייער אַדורכפאָר פאַר ישראל־שיפן אין סועץ און אין אילת־איינגוס און אַ לעזונג פאַרן פּליטים־פּראָבלעם.

בלויז צוויי דעלעגאַציעס האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון געבן זייער צושטימונג פאַר די אויבנדערמאָנטע, פּאָזיטיווע, באַשלוסן: די פאַרשטייער פונעם יידישן „בונד" און די יאַפּאַנישע סאָציאַליסטן. מילא, וואָס שייך דער האַנדלונג פון „בונד", איז זי גאַרנישט קיין איבעראַשונג. פאָדערן פון דער דאָזיקער באַוועגונג צו שטימען פאַר אַ רעזאָלוציע וואָס זעט אין זייערע אויגן אויס עטוואָס פּראָ־ישראלדיק, וואָלט געמיינט דאָסזעלבע ווי פאַרלאַנגען פון מאיר ווילנער פון דער ישראלדיקער מק"י, אַז ער זאָל צ. ב. אויף אַ שלום־קאָנפערענץ אין קאָלאָמבאָ אַרויסטרעטן אין גייסט פון יידיש־אַראַבישער פריינטשאַפט. אָבער וועלכע זענען געווען די מאָטיוון פון דער יאַפּאַנישער דעלעגאַציע נישט צו געבן איר הסכמה צו דער רעזאָלוציע אין ווין? מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערן די פאַרשטענדעניש פאַר גוטער שכנה'־שאַפט וועלכע די יאַפּאַנישע סאָציאַליסטן האָבן געפּרעדיקט אין פעקין און זיך געמאַכט פאַרגעסן אין דאָזיקן פּרינציפּ אין דער הויפּט־שטאָט פון עסטרייך? צי דערפאַר ווייל ער האָט באַדאַרפט אָנגעווענדעט ווערן כלפּי דעם נאָענטן מזרח? לויט אַזאַ לאָגיק קומט דאָך אויס, אַז בלויז יאַפּאַנער און כינעזער דאַרפן לעבן ווי גוטע שכנים, בעת יידן און אַראַבער מעגן זיך אַרומרייסן ביי די קעפּ...

✡

ליידער איז די האַנדלונג פון די יאַפּאַנישע סאָציאַליסטן אין פעקין און אין ווין גאַרנישט קיין אויסנאַם. אַזאַ מין אומקאָנסעקווענטקייט, אָפּאָרטוניזם און פאַרלייקענונג פון פּרינציפּן, איז איצט דאָס אייגנטום פון געוויסע סאָציאַליסטישע און רוב קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

אָבער דעם רעקאָרד אויף דעם געביט שלאָגן קודם־כל די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע טוער פון די אַראַבישע לענדער. אויסער דער פאַראיינצלטער שטים פון יוסף חילמי, דעם מצרישן שלום־קעמפער וועלכער ריכט אָפּ גלות אין אייראָפּע (ער האָט מיט צוויי יאָר צוריק געשריבן וועגן אַ פרידן צווישן ישראל און מצרים, פאַרשטייט זיך, אין גייסט פון עגיפּטישע אינטערעסן) — איז נישט געהערט געוואָרן קיין איין פאָדערונג אָדער קאָנסטרוקטיווער געדאַנק וועגן אַ „רונדן טיש" פאַר די צעקריגטע צדדים. פאַרקערט, יענע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן פון די שכנותדיקע לענדער, אויב זיי האָבן נאָר אַ מעגלעכקייט לעגאַל און עפנטלעך אַרויסצוטרעטן ביי זיך אין לאַנד צי אין אויסלאַנד, שטייען נישט אָפּ אין זייערע אַנטי־ישראלדיקע גיפט־דעקלאַראַציעס פון אַ נאַצער, מלך סעוד אָדער נורי־פּאשא. פאַרשיכורטע פונעם אייגענעם, אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, דערמוטיקט פון דער אַנטי־ישראל ליניע פון מאָסקווע, צי דורך דער „דעמאָקראַטישער" אייזענהאואר־דאָקטרין וואָס האָט איר השפּעה אין געוויסע אַראַבישע לענדער, לאָזן די דאָזיקע אַרבעטער־טוער נישט אַדורך קיין שום געלעגנהייט ווייטער צו זייען שנאה צווישן ישראל און די אַנדערע פעלקער.

געוויס האָבן זיי געלייענט די באַגייסטערנדיקע באַריכטן וועגן באַזוך פון יאַפּאַנישע סאָציאַליסטן אין פעקין, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע מניעות פון „מלחמה־צושטאַנד" און קיין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, האָבן זיי אָבער פאַרשטאַנען גובר צו זיין די דאָזיקע שטערונגען און געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט דער קאָמוניסטישער כינע. מיט רעכט איז די דאָזיקע משלחת באַצייכנט געוואָרן אַלס „דעלעגאַציע פון גוטן ווילן". אָבער ווען וועלן מיר שוין זוכה זיין צו הערן וועגן גוטן ווילן מצד אַראַבישע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן צו קומען אין דער יידישער ירושלים צי תל־אביב? מיר וואָלטן דאָך זיי אויפגענומען מיט פּאַראַד און מיט כבוד, מיט אַ ציטער און טיפער אינערלעכער פרייד, וואָס פונעם צעשטורעמטן ים פון שנאה, האָט ענדלעך אויפגעטויכט די אמתע שלום־טויב מיט דער בשורה, אַז ס'איז טאַקע פאַרט בעסער אַ נאָענטער שכן ווי אַ ווייטער קרוב...

(י"ש ת"א, 18.7.57)

# אויף אַ רעגירונג מעג האַלטן וואָרט

**(וועגן דער טראַגעדיע אין די הימלען פון בולגאַריע)**

דעם זעלבן טאָג ווען מ'האָט אין קרית־שאול אַנטהילט די מצבה אויפן ברידער־קבר פון די 58 קרבנות פונעם „אל־על"־עראָפּלאַן, וועלכער איז מיט צוויי יאָר צוריק אַראָפּגעשאָסן געוואָרן איבער דער בולגאַרישער טעריטאָריע — האָט אַ פאַרשטייער פון ישראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום געמאָלדן אין ירושלים, אַז די בולגאַרישע רעגירונג זאָגט זיך אָפּ צו באַצאָלן אַנטשעדיקונג פאַרן עראָפּלאַן, דערפאַר אָבער איז זי גרייט צו געבן אַ פּערזענלעכע געלט־פאַרגיטיקונג די משפּחות פון די קרבנות, אין דער הייך ווי זי וועט האַלטן פאַר נויטיק.

## אַ מאָדנער צונויפפאַל פון געשעענישן

אַזאַ ידיעה, גראָד ווען ביים אַנטהילטן דענקמאָל האָבן זיך געהערט דערשטיקטע געוויינען און האַרצרייסנדיקע כליפּעריען פון די משפּחה־מיטגלידער איבערן טראַגישן אומקום פון 58 אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער. — האָט ביי יעדן ערלעכן מענטשן געמוזט אַרויסרופן טיפע שטוינונג און פאַרדרוס. ווייל גאַנצע צוויי יאָר צייט האָט די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט, און באַזונדערס אין ישראל, געוואַרט מיט שפּאַנונג און אינטערעס אויפן אויסגאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען צווישן ירושלים און סאָפיע וועגן אַ באַלדיקן און פּאָזיטיוון דערלעדיקן די מאַטעריעלע פּרעטענסיעס אַרום דער קאַטאַסטראָפע, אויף וויפל די בולגאַרישע רעגירונג אַליין האָט בשעתו זיך פאַרפליכטעט זיי צו דעקן און אויף וויפל דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ פאַרלאַנגט אין אַזעלכע פאַלן אַנטשעדיקונג. די איראָניע פון גורל האָט אָבער געוואָלט, אַז די ידיעה פונעם בולגאַרישן אָפּזאָג בנוגע דעם עראָפּלאַן זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן אין טאָג פון טרויער און באַהעפטונג מיטן אָנדענק פון די קרבנות. דער דאָזיקער מאָדנער צונויפפאַל פון געשעענישן קאָן נישט אַנדערש באַטראַכט ווערן ווי אַ המשך און פועל־יוצא פון יענער אויפשוידערנדיקער פרשה וואָס האָט מיט 24 חדשים צוריק זיך אָפּגעשפּילט אין די הימלען פון בולגאַריע.

## וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוויי יאָר צוריק?

אויב אַפילו נאָכגיין נאָכן אָפיציעלן קאָמוניקאַט, וואָס איז דעם 3טן אויגוסט '55 פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין דער פּרעסע און געחתמעט געוואָרן דורך אַ בולגאַרישער רעגירונגס־קאָמיסיע, וועלכע האָט געפאָרשט דעם ענין, באַקומט זיך, אַז „דעם 27סטן יולי 1955, צען מינוט נאָך זיבן אינדערפרי (בולגאַרישע צייט), איז דער פירמאַטאָרדיקער „קאָנסטעליישן"־עראָפּלאַן פון דער ישראלדיקער פלי־געזעלשאַפט „אל־על" אַראָפּ פון זיין נאָרמאַלן מאַרשרוט און אָנגעהויבן פליען איבער דער טעריטאָריע פון בולגאַריע. נאָכן אַנטדעקן דעם עראָפּלאַן דורך דער בולגאַרישער לופט־פאַרטיידיקונג, האָבן זיך אויפגעהויבן צוויי יעגער־עראָפּלאַנען און דורך סיגנאַלן אויפגעפאָדערט די „אל־על"־מאַשין צו לאַנדן. דער ישראלדיקער עראָפּלאַן האָט נישט געפאָלגט און ממשיך געווען זיין פלוג, ווילנדיק זיך אָפּטראָגן. די יעגער־עראָפּלאַנען האָבן באַשאָסן דעם פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַן, וועלכער האָט אויפגעריסן אינדערלופטן. אין רעזול־טאַט פונעם אויפרייס האָט דער עראָפּלאַן זיך צעקלאַפּט און 51 פּאַסאַזשירן און 7 מענטשן פון דער מאַנשאַפט זענען אומגעקומען".

אין דעם אויבנדערמאָנטן קאָמוניקאַט באַשולדיקט טאַקע די בולגאַרישע רעגירונג דעם פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַן אין אַריינדרינגען אויף אַ פרעמדן שטח, אָבער אין אָפּשאַצן די סיבות פונעם אומגליקספאַל איז די קאָמיסיע מודה, אַז „די אָרגאַנען פון דער קעגן־לופט פאַר־טיידיקונג האָבן אַרויסגעוויזן איילעניש. זיי האָבן נישט אָנגעוואַנדן די נייטיקע מאָסמיטלען אויף צו צווינגען דעם עראָפּלאַן צו לאַנדן".

צום סוף פון קאָמוניקאַט דריקט אויס די בולגאַרישע רעגירונג און דאָס בולגאַרישע פאָלק טיפן באַדויער צוליבן פאַרגעקומענעם אומגליק און אומקום פון אומשולדיקע מענטשן. די רעגירונג ברענגט צום אויסדרוק איר טיפן מיטגעפיל די משפחות פון די אומגעקומענע אין דער קאַטאַסטראָפע און אין אַ נאָטע צו דער ישראל־רעגירונג האָט זי דערקלערט איר גרייטקייט אויסצוצאָלן אַנטשעדיקונג די קרובים פון די קרבנות און אומקערן דעם היזק פאַר די מאַטעריעלע פאַרלוסטן.

## ווען, ווו און וועמען האָט מען געמשפט?

די דערקלערונג פון סאָפיע האָט צו יענער צייט עטוואָס באַרואיקט די געמיטער, ווייל צווישן די שורות האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען באַדויערונג אויפן געשעענעם און אַ ווילן צו פאַריכטן די עוולה, הגם ס׳איז געווען קלאָר, אַז קיינער וועט שוין נישט מחיה־מתים זיין די 58 קרבנות. און ווידער איז אַזוי געשען, אַז דאָס אַראָפּשיסן אַ פרידלעכן פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַן, איז פאַרגעקומען געציילטע טעג נאָך דער זשענעווער קאָנפערענץ, ווען די „פיר גרויסע״ האָבן דעקלאַרירט זייער גרייטקייט אַ סוף צו מאַכן צום קאַלטן קריג, נאָכדעם ווי מ׳האָט זיך צוזאַמענגערעדט וועגן אָפּשטעלן צוויי הייסע מלחמות — אין קאָרעאַ און וויעטנאַם. טאָ ווי פאַרן זיך אַזעלכע דערקלערונגען וועגן אַנטשפאַנונג און קאָ־עקזיסטענץ מיט אומברענגען אַ פרידלעכן עראָפּלאַן מיט מענטשן? גרויס איז דעמאָלט געווען דער שטורעם אין דער וועלט, ווייל צווישן די אומגעקומענע האָבן זיך אויך געפונען בירגער פון אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך. גוט האָט דעריבער געטאָן די ישראל־רעגירונג, אַרויסווייזנדיק איינגעהאַלטנ־קייט, טאַקט און מעסיקייט ביים פירן אירע געשפּרעכן מיט סאָפיע, בפרט נאָך, אַז די בולגאַרישע רעגירונג האָט זיך פאַרפליכטעט סיי בנוגע אַנטשעדיקונג און סיי צוגעזאָגט צו שטעלן פאַר אַ געריכט די שולדיקע און זיי באַשטראָפן.

גראָד ביי דעם פונקט איז שוין נישט געווען אין אָרדענונג. אמת, מיט אַ צייט צוריק האָט זיך באַוויזן אין דער פרעסע אַ קורצינקע ידיעה פון בולגאַריע, אַז דאָרט זאָל האָבן פאַרגעקומען דער פּראָצעס פון די וואָס האָבן גורם געווען צום אומקום פון 58 מענטשלעכע קרבנות. אָבער וועמען און וויאַזוי מ׳האָט געמשפט — אַ שטילשווייגן און סודותפולקייט, וואָס קאָן נאָר אַרויסרופן באַרעכטיקטע חשדים און ספקות. ווער האָט טאַקע געגעבן דעם רוצחישן באַפעל — און וועמענס הענט האָבן אונטערגעצונדן דעם עראָפּלאַן מיט זיינע פּאַסאַ־זשירן? מוז דען בלויז אַ פּראָצעס פון אַ קאָסטאָוו און רייק זיין עפנטלעך, מיט אַלע כללים פון דער יוריספּרודענץ, באַגלייט מיט איבערגעטריבענער פּראָפּאַגאַנדע און פיינטלעכער אַטמאָספער כלפּי די באַשולדיקטע? אָדער מאָראַל און געזעץ ביי ענלעכע משפטים, ווי צ. ב. די טראַגדיע אין כפר־קאַסם, פאַרפליכטעט נאָר ישראל צו פירן עפנטלעכע געריכט־פאַרהאַנד־לונגען קעגן מיליטער־לייט פון העכערן און קלענערן ראַנג — און בלויז בולגאַריע איז דערפון באַפרייט? אַלנפאַלס — פאַרשווייגן און אויסבאַהאַלטן דעם פּראָצעס (אויב אַזעלכער איז פאַרגעקומען) פון די שולדיקע אינעם אומברענגען די 58, איז געווען נישט נאָר אין סתירה צו די פריערדיקע התחייבותן פון סאָפיע, נאָר אויך אַ האַרבע פאַרלעצונג פון אינטערנאַציאָ־נאַלע כללים.

אויב, ווי ס׳האָט פעסטגעשטעלט דער בולגאַרישער רעגירונגס־קאָמוניקאַט, „די קעגן־לופט פאַרטיידיקונג האָט אַרויסגעוויזן איילקייט״ אין איר האַנדלונג, טאָ פאַר וואָס אַזאַ אָפּשלעפּן מצד די וואָס האָבן געהאַט מוט זיך מודה צו זיין אין אַ פעלער, און דער עיקר — אים געוואָלט פאַריכטן?

וועגן ענין פּראָצעס איז סאָפיע זיכער שולדיק אַן אויפקלערונג.

**האָט כרושטשאָוו געענדערט זיין מיינונג?**

אַ וואָך נאָכן אומגליק אין די בולגאַרישע הימלען, איז אין דער שווייצאַרישער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע פאַרגעקומען אַן אויפנאַמע. דער אַנוועזנדיקער ערשטער סעקרעטאַר פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ניקיטאַ סערגייעוויטש כרושטשאָוו, האָט געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן פאַרן ישראל־אַמבאַסאַדאָר, אלוף י. אבידר:

„איך פיל אַ באַדערפעניש צו באַטיילן זיך אינעם צער איבער דעם אומגליק מיטן עראָפּלאַן. דאָס איז קיינמאָל נישט געווען נייטיק, דאָס איז טפּשות און איך בין זיכער, אַז די בולגאַרן האָבן נישט געוואָלט. באמת — ס'איז זייער באַדויערנסווערטיק".

אויך מיר זענען אין דער מיינונג פון כרושטשאָוו'ן, אַז דאָס איז געווען אַ טפּשות. איז טאַקע אין בולגאַריע אַליין געטאָן געוואָרן אויף אַרויסצוציען די נייטיקע מסקנות פון דער געשעעניש?

ביי קיינעם פון אונדז זענען נישט פאַראַן קיין נקמה־געפילן כלפּי דעם איידעלען בולגאַרישן פאָלק, וואָס איז אין משך פון לאַנגע דורות געווען פריי פון אַנטיסעמיטישע פאַראורטיילן און געוווּסט ווי אַזוי צו קעמפן פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און אייגענער פרייהייט. דערפאַר איז שטוינענד די האַנדלונג פון דער בולגאַרישער רעגירונג אין דעם גאַנצן ענין, וועלכן זי האָט באמת געקאָנט דערלעדיקן אויף אַ גאָר פּשוטן, הומאַניטאַרן און יושרדיקן אופן:

א) אַדורכפירן אַן עפנטלעכן פּראָצעס און האַרב באַשטראָפן די שולדיקע.

ב) גלייך דערליידיקן די פאַרזענלעכע אַנטשעדיקונגען פאַר די משפחות פון די קרבנות.

ג) אַנטקעגנקומען דעם פאַרלאַנג פון דער „אל־על"־געזעלשאַפט און אויסצאָלן די דורך איר געפאָדערטע סומע פון 2,8 מיליאָן דאָלאַר.

ד) פאַראייביקן אין בולגאַריע גופא דעם אָנדענק פון די 58 קרבנות, צי דורכן אָנרופן מיט אַ פאַסיקן נאָמען דעם גרענעץ־פונקט ווו דער אומגליק איז פאַרגעקומען, צי אַן אַנדערע פאָרם באַערונג.

אַזאַ שנעלע און גערעכטע האַנדלונג פון סאָפיע, וועט אָפּווישן דעם אָנגעזאַמלטן פאַרדרוס און ווייטיק אַרום דער גאַנצער פּרשה, הגם זי וועט קיינמאָל נישט זיין מסוגל צו פאַרהיילן די אָפענע און בלוטיקע ווונדן פון די פאַריתומטע משפחות. און ווייל אין בולגאַריע זיצט אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, איז זיכער איר פליכט און אויפגאַבע צו דעמאָנסטרירן כלפּי דער וועלט, דעם יידישן פאָלק און דער יידישער מדינה, איר אויפריכטיקן ווילן און קאָנסעקווענטע איינשטעלונג טיילוויז פאַריכטן אַ שווערע עוולה לגבי אַ קליין פאָלק. אויב אָבער מען וועט זיך האַלטן ביי דער ביזאַנטיקער ליניע פון אָפּשלעפּן, מאַנעווורירן און טיילוויז פאַרלייקענען עלעמענטאַרע יושר־פּרינציפּן, וועט דאָס קיין איבעריקן כבוד נישט פאַרשאַפן דעם בולגאַרישן רעזשים און זיינע טרעגער.

אַלנפאַלס, די דעקלאַראַציע, פאַרעפנטלעכט אין סאָפיע מיט צוויי יאָר צוריק, פאַרפליכטעט די בולגאַרישע רעגירונג — און זי מעג האַלטן וואָרט. (י"ש ת"א, 8.8.57)

# פיר מאָסן לגבי 40 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע

דעם 7טן נאָוועמבער 1957 שליסט זיך אָפּ אַ פערציק־יאָריק קאַפּיטל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועלכע האָט דורך נצחונות און מפּלות, גרויסע אויפטועון און האַרבע פעלערן, איינגעשטעלט אויף אַ זעקסטל פונעם ערד־קיילעך אַ סאָציאַליסטישן רעזשים, אים אויסגעבריי־טערט אויף אַנדערע לענדער און משפּיע געווען אויף דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אַזעלכע 40 יאָר פון דערהויבנקייט און יסורים, טאָרן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אויסשליסלעכער און פאַרשיכורנדיקער פרייד, ווי באַרעכטיקט זי זאָל נישט זיין. אַזאַ דאַטע מוז גלייכצייטיק דינען פאַר אַ חשבון־הנפש. די פייערווערק און גאַלאַ־אויפטריטן אין מאָסקווע און אין אַנדערע סאָוויעטישע שטעט, פונקט ווי דער פּאַראַד אויפן רויטן פּלאַץ און די יומטובדיקע רעדעס פון די מנהיגים, טאָרן נישט פאַרשטעלן די זאָרג און אומרו ביי די פריינט פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכע האָבן אין די פיר צענדליק יאָר מיטגעלעבט מיט אַלץ וואָס ס׳האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּילט. איצט פייערט מען דאָך שוין אַ קאַרגן יובל פון דער רעוואָלוציע, ווען די האַרבע יאָרן פון חורבות, אַרומרינגלונג און שנאה זענען ווייט הינטער זיך און דער ראַטן־פאַרבאַנד דערשיינט היינט אויף דער וועלט־אַרענע ווי איינע פון די שטאַרקסטע גרויסמאַכטן. נישטאָ שוין די מורא צי איינרעדעניש, אַז מיט אַ וואָרט קריטיק, וועט מען צעטרייסלען די יסודות, אויף וועלכע עס שטייט די סאָציאַליסטישע מדינה. מיר מיינען, אַז פּאָזיטיווע קריטיק, דערצו נאָך פון פריינט, איז בלויז עלול צו ברענגען מערער נוצן ווי הורא־געשרייען און בלינדע אידענטיפיצירונג פון חסידים־שוטים.

מיט וועלכער מאָס און ווער זאָל מעסטן דעם פאַרנעם און באַדייט פון די פּאָזיטיווע ווי נעגאַטיווע דערשיינונגען אינעם לאַנד פון אָקטאָבער? וועלכע אַספּעקטן אָנווענדן — אַלס יידן און סאָציאַליסטן — ביים געבן אַן אָפּשאַצונג איבער די פערציק יאָר חבלי־לידה? צי מעגן מיר זיך דערלויבן אויף בלינדער נעגאַציע, שאַרפע קריטיק און אומפאַראַנטוואָרט־לעכע רייד כלפּי מאָסקווע, ווי זי טוט עס אויף אונדזער אַדרעס — אָדער וועלן מיר פאַרמאָגן געווגע מאָראַלישן כוח און אידעישע שטאַנדהאַפטיקייט איינהאַלטן אין זיך אַ מינימום אָביעקטיווקייט און מאַקסימום גוטן ווילן, ביים צורירן זיך צום דאָזיקן פּשוטן און גלייכצייטיק קאָמפּליצירטן פּראָבלעם?

אונדז שיינט, אַז פיר זענען די מאָסן צו קאָנען זיך שאַפן אַ מער־וויניק ערלעך בילד בנוגע די אמתע אַנטוויקלונג־טענדענצן דאָרטן:

א) די דערגרייכונגען פון סאָוויעט־רוסלאַנד פאַר די לעצטע פערציק יאָר.

ב) די באַציונג פון מאָסקווע צום סאָוויעטישן יידנטום און צו מדינת ישראל.

ג) „קאַלטע מלחמה" און באַציונגען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

ד) דעמאָקראַטיזאַציע און געהעכערטער לעבנס־ניוואָ פון סאָוויעטישן פאָלק.

✡

דער זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז, אייגנטלעך, פאַרגעקומען אויף חורבות. ס׳האָבן זיך געפאָדערט געוואַלטיקע אָנשטרענגונגען צו פאַרהיילן די בלוטיקע וווּנדן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פיר־יאָריקן בירגער־קריג, וועלכער האָט זיך געצויגן אויף 26 פראָנטן. געציילטע יאָרן פון פרידלעכער בויונג און פּלאַנירטער ווירטשאַפט האָבן אין אַ ראַשיקן טעמפּאָ באַדעקט דאָס לאַנד מיט אינדוסטריעלע גיגאַנטן, עלעקטראָסטאַציעס, פּראָדוציר־קאָמבינאַטן; ס׳האָבן זיך ברייט צעעפנט די טירן פון עלעמענטאַרע און מיטעלע שולן, פון אוניווערסיטעטן, טעכניקומס, אינסטיטוטן, וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס. די רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיט זיך אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש אינעם לעבן פון די סאָוויעטישע פעלקער, וועמענס קרוינונג ס׳איז געווען דער היסטאָרישער נצחון איבערן היטלעריסטישן דייטשלאַנד.

נאָר פונקט ווי דער סאָוויעטישער זיג אין צווייטן וועלט־קריג איז נישט צושטאַנד־געקומען אָן האַרבע צוריקטריטן, צייטווייליקע מפּלות און אומגעהויערע מענטשלעכע קרבנות, אַזוי איז אויך דער לאַנגער וועג פון אָקטאָבער נישט פריי געווען פון שווערע פעלערן,

אומנייטיקע בלוט־פאַרגיסונגען און פּערמאַנענטן אינערלעכן געראַנגל, וואָס איז אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין די אינסצעניזירטע פּראָצעסן, אויסגעפּרעסטע ווידויים און פיזישע ליקווידאַציע פון קעגנער. כרושטשאָוו׳ס רעדע אויפן 20סטן קאָנגרעס פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט גענוג דערציילט אויף דער טעמע, הגם זייער אַ סך איז נאָך פאַרבליבן אַ סוד, ווי די צוואַנג־קאָלעקטיוויזאַציע.

אין דער אונטערשטער שורה אָבער קאָן דער כלל סאָוויעטישע בירגער זיין צופרידן מיטן טעכניש־ציוויליזאַטאָרישן און קולטורעלן פּראָגרעס פון זייער לאַנד, מיט די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען (קינסטלעכע לבנות!), מיליטערישער מעכטיקייט (צווישנקאָנטינענטאַלע ראַקעטעס), אַנטוויקלטע אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, איר פּאָזיציע אַלס גרויסמאַכט מיט וועמענס ווילן מען מוז זיך רעכענען, ענגן בונד מיטן זעקסהונדערטמיליאָניקן כינעזישן פאָלק און דעם רוב לענדער פון מזרח־אייראָפּע, פאַרפעסטיקטע השפּעה אויפן ווייטן און נאָענטן מזרח און גרויסן אויטאָריטעט אין אונ״אָ.

און דער שורש פון די אַלע ממשותדיקע דערגרייכונגען שטעקט זיכער אין דעם אָקטאָבער־אויפשטאַנד מיט 40 יאָר צוריק. דאָס זענען אַלץ אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן, נישט אָפּצולייקענען אָדער פאַרמינערן זייער ווערט, אַפילו ווען זיי זענען דערגרייכט געוואָרן פאַרן פּרייז פון אַ נידעריקן לעבנס־ניוואָ פון די ברייטסטע מאַסן אַרבעטער און פּויערים און ביים באַגרענעצן זייערע פּערזענלעכע פרייהייטן און בירגערלעכע רעכט.

☆

באַרעכטיקטן פאַרדרוס און ווייטיק רופט אָבער אַרויס די סאָוויעטישע פּאָליטיק און פּראָפּאַגאַנדע בנוגע די ענינים פון מיטעלן מזרח, דורך פאַרשטעלן אין אַ פאַלש ליכט מדינת ישראל, אירע טענדענצן, שלום־שטרעבונגען און אינערלעכע פאַרהעלטענישן. מיר וואַרפן אַנטשיידן אָפּ אַזאַ סאָרט „אָביעקטיוויזם״ וואָס זעט אינעם דעמאָקראַטישן ישראל אלדאָס שלעכטס, בעת די דיקטאַטאָריש־פעאָדאַלע רעזשימען פון אַ מצרים, סיריע און תימן ווערן פאַרגעשטעלט אין די ליכטיקסטע פאַרבן. כלפּי קיין שום מדינה אין דער וועלט, אַפילו קלענערע פון ישראל, מיט וועמען ראַטן־פאַרבאַנד שטייט אין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, באַנוצט נישט דער סאָוויעטישער ראַדיאָ און פּרעסע אַזאַ נעגירנדע און קריטיקפולע שפּראַך.

קלאָר, אַז ביי אַזאַ אַנטי־ישראלדיקער איינשטעלונג מצד דער סאָוויעטישער רעגירונג איז נישטאָ קיין שום האָפענונג צו דערלויבן פון דאָרט אַן עליה. מעג דער דראַנג דערצו זיין גרויס מצד דעם סאָוויעטישן יידנטום, ער וועט אָבער נישט האָבן קיין פאַרגיטיקונג, אויב מאָסקווע וועט נישט ראַדיקאַל בייטן איר ליניע כלפּי מדינת ישראל.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אומנאָרמאַלע לאַגע איז געקנופּט און געבונדן מיטן מצב פון דער יידישער מינדערהייט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אין זיין לאַנגער רעדע אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס, אויסרעכנדיק די אומצאָליקע פאַרברעכנס און אַפּנויגן פונעם סטאַלין־בעריאַ רעזשים, האָט כרושטשאָוו נישט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט די קאַלטבלוטיקע רציחה איבער די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד. דאָס עצם פאַרשווייגן אַזעלכע געשעענישן, האָט אַרויסגערופן באַשטימטע פאַרדאַכטן. דערפאַר האָבן אייניקע מיטגלידער פון פאַרשידענע אויסלענדישע דעלעגאַציעס, צונויפטרעפנדיק זיך מיטן סאָוויעטישן מנהיג, אים אָפן געפרעגט בנוגע זיינע „יידישע״ געפילן און איינשטעלונגען. כמעט אין יעדן פאַל האָט ער זיך פאַרופן אויף... זיין יידישער שנור, ווי אַ באַוויז אַז ער איז לגמרי פריי פון וועלכע ס׳איז אַנטיסעמיטישע פאַרורטיילן. און מ׳קאָן פאַרשטיין כרושטשאָוו׳ס נטיה צו דעקן זיך מיט דער יידישער שנור, כל־זמן די יידישע קולטור און ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אין פאַרבאָט און אַ יידישע צייטונג, זשורנאַל, בוך און טעאַטער געהערן נאָך אַלץ צו דער פאַרגאַנגענהייט.

די פערציק יאָר „יידישע דערפאָרונג" אין פסס"ר באַווייזן, אַז אַפילו די איצט־געלויבטע „לענינישע נאָרמעס" פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, פונקט ווי די בשעתו קולטיווירטע איינשטעלונגען פון סטאַלין אין נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען — האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון דער צייט. די אין אָנהייב געפּלעגטע, דערנאָך טאָלערירטע און צום סוף ליקווידירטע קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר יידן, פונקט ווי דער קרימער טעריטאָריאַליזם, די פּראָקלאַמירונג פון ביראָבידזשאַן, באַזאַמען מיטן פּאַרלאַגס־וועזן אין יידיש, שולן, טעאַטער און פּרעסע, — זענען נישט געווען מסוגל צו ענטפערן אויף די ספּעציפישע יידישע נויטן. די יידנפראַגע דאָרט פאָדערט היינט איר פּאָזיטיווע לייזונג. דאָס איז די פאָדערונג אויך פון אַלטע גוטע פריינט פון פסס"ר, באַדייטנדיקע קאָמוניסטישע טוער במשך לאַנגע יאָרן, ווי האָוואַרד פאַסט און דזשאָזעף קלאַרק אין די פאַר. שטאַטן, פּראָפ׳ היימאַן לוי אין ענגלאַנד, י. ב. זאָלצבערג אין קאַנאַדע, יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן, אויסטראַליע, פראַנקרייך און אַרגענטינע. אויף די אומצאָליקע ווענדונגען קיין מאָסקווע, אויב עס קומט שוין יאָ אַן ענטפער, איז נאָר אינעם אויבנדערמאָנטן נוסח פון דער יידישער שנור, אַדער אַז די יידן גופא זענען נישט פאַראינטערעסירט אין דער אויפלעבונג פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור...

אַ פאַרכישופטער „דרייעק" פון יידישע ענינים אין ראַטן־פאַרבאַנד: די רעצעפּט פון אַסימילאַציע פאַרן סאָוועטישן יידנטום; פאַרבאָט פון עליה און נעגאַציע פון מדינת ישראל.

☆

ס׳איז פאַר אונדז אַ קנאַפּע טרייסט, אַז אייגנטלעך איז ישראל בלויז אַ קרבן פון דער קאַלטער מלחמה צווישן די וועלט־בלאָקן. ווי נאָר די אינטערנאַציאָנאַלע שפּאַנונג וועט נאָכלאָזן, וועט מען אויפהערן אונדז פאַרוואַנדלען אין אַ שעיר לעזאזל פונעם כוחות־שפּיל אין דער וועלט.

פאַראַן אין דעם אַ טייל אמת. אָבער ווי אַזוי און ווער זאָל אָנהייבן דעם געיעג פאַר שלום? דוכט זיך, אַז מיר וועלן נישט פוגע זיין בכבוד דער סאָוועטישער מדינה, אויב מיר וועלן אויף איר אָנפירערשאַפט אָנווייזן, אַז זי האָט אַלע אָטוטן אין די הענט צו באַרויקונג און אַנטשפּאַנונג. נאָך מיט אַ צייט צוריק האָט האָוואַרד פאַסט, ענטפערנדיק אויף און אָנקעטע פון ראַדיאָ־מאָסקווע וועגן פאַרבאָט צו עקספּערימענטירן מיט אַטאָם־באָמבעס, פאָרגעלייגט, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד זאָל דער ערשטער אָפּשטעלן זיינען פּרוּוון. דווקא די סאָציאַליסטישע מדינה דאַרף ווייזן דעםביישפּיל. די מיליטערישע קראַפט פון פסס"ר איז דערגאַנגען צו אַזעלכע הייכן, אַז אַנעם מינדסטן שאָדן פאַר איר זיכערקייט, קאָן זי אויפהערן וואַרפן די וואַסערשטאָף־באָמבעס לשם פּרובע־צוועקן. אַזאַ זשעסט איז מסוגל מערער אָפּצושוואַכן די קאַלטע קריג און דערנענטערן צו אַן אַנטוואָפענונג, ווי די ביזאַנטיקע פּראָטאָקאָלע זיצונגען פון פאַרשידענע אונ"אָ־קאָמיסיעס, ווייל אַנטשיידנדיקער פון אַלץ זענען מעשים, אַנשטאָט פּאָרשלאָגן.

דאָס זעלבע האָט אויך אַ שייכות צום ראַטן־פאַרבאַנדס צוגאַנג צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען. נאָך אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס איז אָנגעזאָגט געוואָרן די בשורה וועגן „פאַרשידענע וועגן צום סאָציאַליזם" און מ׳האָט געהערט גאַנץ ערנסטע אָנדייטונגען וועגן מעגלעכקייטן פון צוזאַמענאַרבעט צווישן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. אויסער די גאָרנישט־פאַרפליכטנדיקע באַזוכן פון געציילטע סאָציאַליסטישע דעלעגאַציעס אין מאָסקווע און די לעצטע בריוו פון כרושטשאָוון צו אַ ריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע אין צוזאַ־מענהאַנג מיטן קינסטלעך־אויפגעבלאָזנעם סיריש־טערקישן קאָנפליקט, האָט מען נישט געזען קיין שום סימנים פון דערנענטערונג צווישן ביידע אַרבעטער־לאַגערן. קלאָר, אַז אויב פון מאָסקווע וועט נישט קומען אַ ראַדיקאַלע ווענדונג אין דער ריכטונג, איז נישט צו האָפן,

אַז די שטאַרקע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין פראַנקרייך, איטאַליע אָדער אַנדערע לענדער, זאָלן אַרויסווייזן אייגענע איניציאַטיוו פאַר אַ דערנענטערונג און צוזאַמענאַרבעט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס קאָן אויך אַרויסרופן שטוינונג דער פאַקט, דאָס צו אַזעלכע פייערונגען ווי 40 יאָר אָקטאָבער, האָט מען נישט געפונען פאַר נויטיק איינצולאַדן פאַרשטייער פון פאַרשידענע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. פאַר וואָס זאָל פּעטרא נעני צי עניוראַן ביוועו נישט זיין אויף דער טריבונע ביים לענין־מאַוזאָליי אין מאָסקווע, בעתן גרויסן פּאַראַד, שוין אָפּגערעדט פון אַנדערע באַדייטנדיקע אויטאָריטעטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג? אויב דער שעף פון מצרישן גענעראַל־שטאַב, גענעראַל אַמאַר, דאַרף דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט, אַז דער קרייז אויסלענדישע אַנטיילנעמער אין די אָקטאָבער־פייערונגען איז אויסגעברייטערט געוואָרן, איז עס אַ שוואַך־איבערצייגנדע דעמאָנסטראַציע...

ס׳וועט אויך זיין שווער צו באַפרייען זיך פון אַ שלעכט געפיל, וואָס נאָך אַזאַ קורצן צייט־אָפּלויף פונעם צוואַנציקסטן קאָנגרעס, ווען מ׳האָט אויסגעלויבט און זיך איינגעשטעלט אויף קאָלעקטיווער אָנפירונג (אין קעגנגעוויכט צום פּערזאָנען־קולט), וועלן אויף דער זעלבער טריבונע פעלן מאַלאָטאָוו, קאַגאַנאָוויטש און די יינגערע — מאַלענקאָוו, שעפּילאָוו און זשוקאָוו. די איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז גראָד די אַלע וועמענס ס׳איז געלונגען אויסצומיידן די „טשיסטקעס" און רציחות בימי סטאַלין און בעריאַ, זענען אין דער תקופה פון קאָלעקטיווער אָנפירונג אַרויסגעפאַלן פון דער ריי.

ס׳איז נאָך אויך ווייט צו דער דעמאָקראַטיזאַציע פונעם אינערלעכן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד און דאָס הייבן דעם לעבנס־ניוואָ פונעם סאָוועטישן אַרבעטער און פויער.

די אַלע אַנטפּלעקונגען באַווייזן בלויז די האַרבע אינערלעכע ראַנגלענישן אין דער סאָוועטישער מדינה — און נישט תמיד לויט די אָנגעצייכנטע, ליבעראַליסטישע ליניעס פונעם צוואַנציקסטן קאָנגרעס.

☆

אַזעלכער איז אין אַלגעמיינע שטריכן דער בילאַנס פון פערציק יאָר אָקטאָבער, געזען פון אונדזער קוקווינקל. מיר האַלטן נישט, ווי ס׳איז לעצטנס אַריין אין דער מאָדע, אַז דאָס נעגאַטיווע וועגט איבער דאָס פּאָזיטיווע, אַז דאָס לאַנד פון אָקטאָבער איז כאילו אַ המשך פון דער צאַרישער דעספּאָטיע, אָן אויסזיכטן פון בעסערונג. „דער בוים טאָר נישט פאַרשטעלן דעם וואַלד" — זאָגט אַ פאַלקס־ווערטל. די אַלע, פריער־אויסגערעכנטע נעגאַטיווע דערשיינונגען, זענען אין דער אונטערשטער שורה אַ צאָלביימער אינעם וואַלד פון אויפטועון. די צרה באַשטייט אין דעם, וואָס די דאָזיקע ביימער האָט מען נאָך נישט עוקר מן השורש געווען און זייערע אונטערגעפוילטע וואָרצלען מיט די פאַרגעלבטע בלעטער פאַרדאַרבן די לופט און פאַרטונקלען דעם האָריזאָנט, נישט לאָזנדיק צו אַ טיפערן בליק אינעם ברייט־צעוואַקסענעם וואַלד...

דער אינטערעס פונעם סאָוועטישן פאָלק, ווי פון אַלע פעלקער אין דער וועלט, אַריינגערעכנט אויך ישראל, פונקט ווי דער אינטערעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט, פאָדערט בלויז צוויילן דעם פּראָצעס פון אויסשניידן דאָס ווילדגראָז און אויסהאַקן די אונטערגעפוילטע שטאַמען. און וואָס שנעלער דאָס וועט געשען, אַלץ בעסער פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אָקטאָבער־אידעע, וועלכע האָט מיט 40 יאָר צוריק געטראָגן דער וועלט די בשורה פון דערלייזונג און באַפרייאונג.

(י"ש ת"א, 7.11.57)

# דער פוילישער דורכברוך

## די טראַגישע סתירה

זינט יאָרן ווי מיר וואַרטן אויף אַ קער, אַ פּאָזיטיווע ווענדונג מצד דעם סאָציאַליסטישן לאַגער צו די נויטן און פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק און צו זיין יונגער מדינה. אַפילו לאַנג נאָכדעם ווי דאָס געשפּענסט פון פּראַגער משפּט און דעם מאָסקווער דאָקטוירים־בלבול זענען פאַרשוווּנדן, הערט מען נאָך היינט האַרבע באַשולדיקונגען און פאַלשע מיינונגען אויף אונדזער אַדרעס. נישט איינמאָל האָט זיך געקאָנט שאַפן דער איידרוק, אַז „ירושלים און מאָסקווע קאָנען נישט שלום מאַכן״, ווייל כאילו קעגנערשאַפט און אַנטאַגאָניזם מוז הערשן צווישן זיי ביידע. ווי דער שטייגער, איז מאָסקווע נישט פאַראיינזאַמט אין די דאָזיקע איינשטעלונגען. אונטער איר שטייען פּעקין און פּראַג, סאָפיע און מזרח־בערלין, בוקאַרעשט און בודאַפּעשט, טיראַנאַ און אַפילו בעלגראַד, ווען מ׳האָט בשעתו אויסגעשלאָסן פון דער דאָזיקער מחנה. ווער שוואַכער, ווער שטאַרקער, ווער מיט אימפּעט און רוגזה, ווער מיט „שטילע טענער״, ווער פון אייגענער איניציאַטיוו, ווער אויף אָנווייזונגען פון דרויסן — האָט זיך פון זיי אַלעמען געטראָגן זלזול און שנאה, אָנגעצויגנקייט און געשפּאַנטקייט צו דעם קליינעם לאַנד אויפן נאָענטן מזרח, וואָס האָט אויפגענומען און נעמט אויף אָפּגעראַטעוועטע רעשטלעך פון אַ פאַרטיליקט פאָלק און וואָס האָט אין פייער פון שלאַכט מיט אירע אַגרעסאָרישע שכנים איינגעהאַלטן איר זעלבשטענדיקייט.

פאַראַן אַ טראַגישע סתירה און פּאַטאַלער פּלאָנטער אינעם נעגירן אונדזער מדינה און איר קאָנסטרוקטיוו ווערק מצד אַ לאַגער, וועלכער מאַרשירט אונטער דער פאָן פון סאָציאַליזם, מענטשן־דערלייזונג און יושר כלפּי נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און פעלקער־פאַרברידערונג. בלויז ביים דערקייקלען זיך צו אונדזערע גרענעצן, געשעט דער ריקצוג, דאָ וויקלט מען איין די פאָן און מען פאַרגעסט אין געהייליקטע פּרינציפּן און קאָנאָניזירטע איינשטעלונגען.

אמת, נישט אין אַלע צייטן און אין דעם זעלבן פאַרנעם זענען מיר געווען עדות פון אַנטי־ציוניסטישע און אַנטי־ישראלדיקע אַרויסטרעטונגען. מען טאָר דאָך נישט פאַרגעסן סיי די גראָמיקאָ־דעקלאַראַציע אין אונ״אָ מיט צען יאָר צוריק און די טשעכישע געווער־טראַנספּאָרטן צו הילף אונדזער באַפרייונגס־מלחמה אין 1948, ווי אויך די דערלויבטע עליה פונעם רוב סאָציאַליסטישע לענדער און די מיט זיי איינגעשטעלטע דיפּלאָמאַטישע און פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען. אָבער די ראַדיקאַלע און קעגנזעצלעכע אַנטוויקלונגען פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן נישט איין אויפריכטיקן פריינט און אָנהענגער פון דער סאָציאַליסטישער וועלט געקאָנט דערפירן צו שוואַרצער פאַרצווייפלונג און ביי אים צורויבן יעטוועדן פונק פון האָפענונג אויף אַן ענדערונג צום בעסערן.

## דער אויסנאַם

בלויז איין מדינה אין דעם דאָזיקן לאַגער, איז פאַרט אַן אויסנאַם: פּוילן! שוין אין די ערשטע טעג פון איר באַפרייונג, נאָך אין יאָר 1945, האָט די ניי־אַנטשטאַנענע פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעגירונג אַרויסגעוויזן מאַקסימום זאָרג, הילף און פאַרשטענדעניש פאַר די נויטן און באַדערפענישן פון דער שארית־הפליטה, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די לאַגערן, וועלדער, בונקערס און רעפּאַטריאַנטן פון ראַטן־פאַרבאַנד. ס׳איז דערלויבט און אַפילו דערמוטיקט געוואָרן די טעטיקייט פון אַלע כמעט ציוניסטישע גרופּירונגען, יידישע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן. און איבער דעם אַלעמען — אָפענע גרענעצן פאַר די וואָס האָבן געוואָלט פאַרלאָזן פּוילן, כדי זיך דערשלאָגן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל, פּונקט ווי ס׳איז געווען אַן אָפן הארץ און אָפן אויער פאַר אַלע אַן אויסנאַם אָנגעווייטיקטע יידישע ענינים אין יענע טעג. אַזוי האָט דאָס פּוילישע אויסערן־מיניסטעריום אַרויסגעגעבן קאָלעקטיווע

פֿאַספּאָרטן פֿאַר גאַנצע גרופּעס עולים, ווי קינדער, הכשרה־פּונקטן, קיבוצים. נישט געקוקט אויף די באַדײַטנדיקע הילפֿס־געלטער פֿון „דזשוינט" צו רעסטאַווירן דאָס חרוב־געוואָרענע ייִדישע לעבן אין פּוילן, האָט אויך די רעגירונג פֿון איר זײַט נישט געקאַרגט קיין פֿינאַנסיעלע מיטלען צו טראָגן קאָנסטרוקטיווע הילף די ייִדן זיי זאָלן ווי־ווײַט מעגלעך שנעל פֿאַרהיילן די ווונדן.

די דאָזיקע פֿאַרשטענדעניש און וואַרעם געפֿיל מצד די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען זענען דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אין יאָר 1948 איז אין איינעם פֿון די שטעטלעך אין נידערשלעזיע דערלויבט געוואָרן אויפֿצושטעלן אַ מיליטערישן צוגרייטונג־לאַגער פֿאַר ייִדישער יוגנט אין פּוילן, וועלכע האָט באַדאַרפֿט עולה זײַן און גלייך זיך אָנשליסן אין די קאַמפּס־רייען פֿון צה״ל. אויך האָבן אַ ריי ציוניסטישע פּאַרטייען געפֿירט אויף אייגענער האַנט מיליטערישע קורסן, פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט דער דערלויבעניש פֿון די פּוילישע זיכערהייט־אָרגאַנען.

אין יאָר 1950, ווען ס׳איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די טעטיקייט פֿון די ייִדישע פּאַרטייען אין פּוילן, איז עס פֿאַרגעקומען אָן העצע, רעפּרעסיעס צי אינסצעניזירטע פּראָצעסן. די מנהיגים און אַקטיוויסטן פֿון די אויפֿגעלייזטע פּאַרטייען איז אין רוב געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט עולה צו זײַן; קיין געריכט־ספּעקטאַקלען נוסח פּראַג צי בוקאַרעשט זענען נישט געוואָרן אַדורכגעפֿירט און במילא האָבן מיר אויך נישט געהאַט דאָרט קיין אסירי־ציון מיט שווערע תּפֿיסה־אורטיילן. אַפֿילו אין די סאַמע פֿינצטערסטע טעג פֿון סלאַנסקי־פּראָצעס, ווען דער „דזשוינט", די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט אירע פֿירער, מדינת ישראל און אירע פּאָליטיקער זענען פֿאַרגעשטעלט געוואָרן ווי בייזע געשפּענסטער וואָס ווילן אומברענגען די סאָציאַליסטישע מלוכות — איז וואַרשע געווען צוריקגעהאַלטן. אויב ס׳האָט זיך יאָ פֿון דאָרט געהערט אַ גרילצנדיק קולכל, איז עס גראָד געווען אַ „קול קול יעקב"...

אַלנפֿאַלס, דאָס דאָזיקע פּוילן אויף וועמענס ערד דער היטלעריזם האָט אויפֿגעשטעלט אַלע זײַנע פֿאַרניכטונגס־לאַגערן אומצוברענגען ייִדן, וויסנדיק די טיף־פֿאַרוואָרצלטע אַנטי־סעמיטישע געפֿילן בײַ גרויסע טיילן פֿון פּוילישן פֿאָלק; פּוילן, וואָס האָט אונטער זיך געהאַט אַ טרויעריקע טראַדיציע פֿון פּשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק, באַזונדערע בענק פֿאַר ייִדישע סטודענטן, „אָווּשעם"־פּאָליטיק, פּיקעטעס און עקאָנאָמישן בויקאָט, נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, — האָט גלייך נאָך דער באַפֿרייונג, מיטן אָנהייבן פֿאַרלייגן די סאָציאַליסטישע יסודות, געוואָלט אויך אָפּווישן די שוואַרצע פֿלעקן פֿון דער טרויעריקער פֿאַרגאַנגענהייט און געבן דער שארית־הפּליטה פֿולשטענדיקע נאַציאָנאַלע, מאָראַלישע און עקאָנאָמישע רעהאַביליטאַציע.

### „די פּוילישע וואָד" אין ישראל

די דאָזיקע ליניע פֿון טאָלעראַנץ, פֿאַרשטענדעניש און אויפֿריכטיקער פֿרײַנדשאַפֿט, ציט זיך ווי אַ רויטער פֿאָדעם במשך די 12 יאָר עקזיסטענץ פֿון דער פּוילישער, פֿאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

צו דער קרוינונג פֿון דער דאָזיקער ליניע זענען מיר דערגאַנגען פֿאַריקע וואָך, ווען אין לאַנד זענען מיטאַמאָל אָנגעקומען עטלעכע זייער חשובע און וויכטיקע שליחים פֿון הײַנטיקן פּוילן: דעם זעלבן טאָג, ווען פּרעזידענט יצחק בן־צבי און אַמבאַסאַדאָר אַנטאָני בידאַ האָבן אין ירושלים זיך אויסגעטוישט מיט די אָפֿיציעלע רעדעס, וועמענס האַרציקער אינהאַלט איז ווײַט אַריבער די ראַמען פֿונעם אָנגענומענעם דיפּלאָמאַטישן נוסח, איז אויפֿן פֿלי־פֿעלד אין לוד אָנגעקומען אַ דעלעגאַציע פֿון פּוילישן געזונטהייט־מיניסטעריום מיטן וויצע־מיניסטער קאָזשושניק בראש; מיט אַ טאָג פֿריער, איז איינע פֿון די שטאַרקסטע פּוילישע פֿוסבאָל־מאַנשאַפֿטן („לעגיאַ") געקומען קיין ישראל אויף פֿרײַנדשאַפֿטלעכע פֿאַר־

מעסטן מיט אונדזערע ספּאָרטלער; גלייכצייטיק האָבן איצט די פאָרשטייער פון „אָרס־פּאָלאָנאַ״ געהתמעט דעם האַנדלס־אָפּמאַך פאַר ביכער, פּלאַטן, פּאָסט־מאַרקעס און אַלבאָמען אויף אַ סומע פון 55 טויזנט דאָלאַר (30 טויזנט פון פּוילן, 15 טויזנט — פון ישׂראל).

אויב צו די אַלע פריידיקע דערשיינונגען פון ישׂראל־פּוילישער דערנענטערונג וואָס דריקט זיך אויס אין אויסטויש פון פּריינטלעכע דיפּלאָמאַטישע נאָטעס, קולטור־ווערטן, מיט דערפאַרונגען אויפן געביט פון געזונטהייט און אין שטח פון ספּאָרט, מיר וועלן נאָך צורעכענען דעם פאַקט פון אומגעשטערטער עליה פון פּוילן, די באַנייטע דאָרט טעטיקייט פון „דזשוינט״ און „אָרט״, דאָס אויפנעמען און איינאָרדענען די יידישע רעפּאַטריאַנטן פון ראַטן־פאַרבאַנד און דער קאַמף מיט אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען, באַזונדערס מיט דער סטאַליניסטישער „נאַטאָלין״־גרופּע — וועט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקן אַ זעלטן האַרמאָניש בילד פון אַ סאָציאַליסטישער מלוכה, וועלכער איז נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם שטראָם פון נעגאַציע און דעמאַגאָגיע, נאָר געוווּסט ווי אַזוי אים זיך קעגנצושטעלן און דערביי אַרויסגעוויזן אַ סך גוטן ווילן, אויפריכטיקע פריינשאַפט, פּאָליטישע חכמה און אַמתדיקע פעלקער־סאָלידאַריטעט, כדי אויך מיט מדינת ישׂראל אָנהאַלטן נאָרמאַלע באַציונגען.

### דער רוסישער אָקטאָבער מעג לערנען פון פּוילישן אָקטאָבער

אַזוי האָט דער פּוילישער אָקטאָבער, להיפּוך צום רוסישן אָקטאָבער, איינגעפלאָכטן דאָס יידישע פּראָבלעם אינעם אַלגעמיינעם סאָציאַלן געוועב זיינעם און באַוויזן, אַז סאָציאַלע רעוואָלוציע, נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד און פאַבריקן, דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, מיינט נישט דווקא פאַר דער יידישער מינדערהייט צוואַנג־אַסימילאַציע אָדער אַנטי־נאַציאָנאַלע לייזונגען. פאַרקערט, די אַלע געשעענישן קאָנען גיין געפּאָרט אי מיט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן, אי מיט זייער רעכט צו עליה, אי פריינטשאַפט מיט ישׂראל, אָנעם מינדעסטן שאָדן פאַר ביידע צדדים, נאָר גראָד פאַר קעגנזייטיקער טובה.

נאָכן צוואַנציקסטן קאָנגרעס פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אונטערגעשטראָכן געוואָרן „דער באַזונדערער וועג צום סאָציאַליזם אין יעדן לאַנד״ און „אַז איין קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאַרף לערנען פון דער צווייטער״. אויב די דאָזיקע לאָזונגען וועלן, ווי פיל אַנדערע, נישט פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פּוסטער פראַזע, נאָר פאַרווירקלעכט ווערן, וואָלטן טאַקע דער רוב קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט, און קודם כל די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע איז בדרך כלל די טאָן־געבערין אין פיל ענינים, באַדאַרפט לערנען פון פּוילן, פון איר פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, פון גאָמולקאַן, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַציען צו אונדזער פאָלק, זיין מדינה און זייערע פּראָבלעמען. דער פּוילישער דורכברוך אויף דעם יידישן פראָנט דאַרף זיין זייער באַלערנדיק און אָנרעגנדיק פאַר דער סאָציאַליסטישער וועלט, פּונקט ווי ער איז דערמוטיקנדיק פאַר אונדז. (י״ש ת״א, 12.12.57)

## וועגן אַ בריוו פון אַנרי באַרביס צו יצחק יצחקי

### דערמאָנונגען ביים קבר

די טעג אין אויסגעפאַלן די צווייטע יאָרצייט זינט ס'איז אַוועק אין דער אייביקייט איינער פון די אָנערקענטסטע און באַליבסטע טוער פון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטערשאַפט. ווי דער שטייגער אין אַזאַ אָנדענק־טאָג, האָבן ביי זיין קבר אין קרית־שאול זיך פאַרזאַמלט אַ

גרופּע פריינט, חברים און מיטקעמפּער, כדי דערמאָנען זיין נאָמען, אַרויסברענגען דאָס שיינע, דערהויבענע און קעמפערישע אין אים און דערביי אויפריכטיק באַדויערן וואָס אַזאַ שטורמיש לעבן איז אַזוי יונג פאַרשניטן געוואָרן.

געפינענדיק זיך ביי דער באַשיידענער מצבה מיטן אויפשריפט „יצחק יצחקי (לישעווסקי)”, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק איינער פון די אינטערעסאַנטסטע עפּיזאָדן פון זיין לעבן, וואָס האָט מיט 30 יאָר צוריק דערפירט דעם דעמאָלט יונגן יצחקי צו פריינטשאַפט און אַ בריוו־אויסטויש מיט אנרי באַרביס, דעם באַוווּסטן פראַנצויזישן שרייבער און שלום־קעמפער.

אין יאָר 1927 האָבן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסל, זיך צוזאַמענגעטראָפן:

דער שליח פון דער ארץ־ישראלדיקער פּועלי־ציון פּאַרטיי, יצחקי, וועלכער האָט דאָרט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט אויפצוקלערן די פאַרשטייער פון קאָמוניסטישע און סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען, ווי אויך די דעלעגאַציעס פון די קאָלאָניאַל־אונטערדריקטע לענדער וועגן מהות און באַדייטונג פון יידישן געראַנגל אין ארץ־ישראל מיט דער בריטישער מאַנדאַטן־מאַכט, אויפווייזן דעם פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון ציוניסטישן אויפבוי־ווערק און אַרויסברענ־גען די ראָל פון דער זיך פאַרמירנדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אינעם אַלט־נייעם היימלאַנד; און א. באַרביס, דער לעבעדיקער גייסט, איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פונעם קאָנגרעס, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן פיל פאַרשטענדעניש און בקיאות אינעם באַפרייאונגס־קאַמף פון אַלע פעלקער, אויסער דעם יידישן...

אַזוי האָט דער גורל צונויפגעברענגט צוויי פּערזענלעכקייטן, מיט קעגנזעצלעכע מיינונגען און אַנשויונגען בנוגע דעם יידן־פּראָבלעם.

נאָר איידער מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויפן אינהאַלט פון דעם בריוו, איז כדאי צו באַקענען זיך מיט ביידנס קורצע ביאָגראַפיעס.

## פון ריבניצע — ביז אַ כנסת־דעפּוטאַט

דער לעבנס־וועג פון י. יצחקי האָט זיך געשלענגלט פונעם גרענעץ־שטעטל ריבניצע אין אוקראַינע, ביזן דערוויילט ווערן אויף דער מפ״ם־ליסטע אַלס דעפּוטאַט פון דער דריטער כנסת, צוויי חדשים פאַר זיין פּלוצומדיקן טויט. ער האָט דערפאָלגרייך פאַרענדיקט די לימודים אין אַ רוסישער גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע און אין דער ירושלימער „בצלאל” שול, זייענדיק אינצווישנצייט טעטיק אין קושטא ביים אָרגאַניזירן די חלוצישע עליה און ביים פאַרזאָרגן מיט געווער די „הגנה”. אין זיין געבורט־שטעטל איז ער געווען פון די ערשטע אין דער זעלבשוץ צום קאַמף מיט די אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמטשי־קעס, פּונקט ווי ער האָט אין די רייען פון דער „רויטער גוואַרדיע” באַשיצט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פאַר די עטלעכע דרייסיק יאָר זיין אין ארץ־ישראל, איז ער געווען טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אַ טעאָרעטיקער, גלענצנדיקער פּובליציסט, פלאַמיקער רעדנער און פעיקער אָרגאַניזאַטאָר.

די וואָס האָבן יצחקין געקאַנט פון דער נאָענט — און געקענט האָבן אים זייער פיל צוליב זיין צוגעלאָזנקייט און וואַרעמער באַציונג צו מענטשן, — וויסן וויפל עניוות, פּשטות און האַרציקייט ס'האָט פאַרמאָגט דער דאָזיקער טעמפּעראַמענטפולער און אומפּשרותדיקער קעמפער. אין זיין קליינעם אַרבעטצימער אין וועד־הפּועל פון דער הסתדרות, האָט ער טאָג־טעגלעך אויפגענומען און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט אַרבעטער, אינטעליגענץ, אַראַבער, נייע עולים. יעדער האָט אין אים געפונען אַ פריינד, אַ נאָענטן מענטש, וואָס הערט אויס, לעבט מיט, גיט אַ קלוגע עצה און דאָס וויכטיקסטע — העלפט ממשותדיק.

איבער אַלץ דאַרף אָבער פאַרצייכנט ווערן יצחקיס ראָל אין דער פּאַלקסטימלעכער מאַסן־עליה אין די יאָרן 1948—1953. ער איז געווען פון די איינציקע אַרבעטער־מנהיגים אין לאַנד, וואָס האָט אויפן יסוד פון טעאָרעטישע הנחות און ריכטיקן אַנאַליז פון די הערשנדיקע באַדינגונגען אין לאַנד, פאַרגעלייגט אַ פּראַקטישן פּלאַן ווי אַזוי באַזאָרגן די קאָרגע 200 טויזנט מעברה־איינוווינער מיט אַ סטאַבילן און מענטשלעכן דאַך איבערן קאָפּ: דורך באַקומען אומזיסטן נאַציאָנאַלן באָדן; ביליקן בוי־מאַטעריאַל, באַפרייט פון צאָל און שטייערן; אייגענע בוי־אַרבעט פון די עולים, אונטער דער אָנפירונג פון אינזשעניערן און טעכניקער פון דער רעגירונג און הסתדרות; ביליקער און באַקוועמער קרעדיט.

דער באַרייכערונג פון די באָדן־שפּעקולאַנטן און פון די פּריוואַטע בוי־אונטערנעמער, האָט יצחקי אַנטקעגנגעשטעלט די זעלבסט־איניציאַטיוו פון די עולים און די פליכט פון דער רעגירונג צו באַפרייען זיי פונעם דעגענערירנדיקן מעברה־לעבן.

אַזאַ איז בקיצור געווען דער לעבנסוועג פון דעם טרוימער און קעמפער י. יצחקי.
ווי אַנדערש אָבער האָט זיך אויספאָרמירט דאָס לעבן פון אנרי באַרביס.

## דער ביאָגראַף פון יעזוס׳ן און סטאַלינ׳ען

א. באַרביס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1874 (לויט אַנדערע מקורות — אין יאָר 1873). צו די וויכטיקסטע ליטעראַרישע שאַפונגען זיינע געהערן: „קלאַגערינס" — אַ זאַמלבוך לירישע פּאָעמעס, דערשינען אין יאָר 1885; „די וואָס בעטן זיך" און „דער גהינום" (צוויי ראָמאַנען, פאַרעפנטלעכט אין די יאָרן 1903 און 1908); „פייער", געשריבן אין סאַמע ברען פון ערשטן וועלטקריג און דערשינען אין יאָר 1916. דאָס דאָזיקע בוך איז איבערזעצט געוואָרן אין אַלע וועלט־שפּראַכן און געוואָרן אויסגעצייכנט מיט דער „גאָנקור־פּרעמיע"; ווי אַ המשך פון זיינע אַנטי־מיליטאַריסטישע אַנשויונגען, גיט ער אין יאָר 1919 אַרויס דאָס בוך „קלאַרקייט". דערנאָך „רינגען" (1925); „יעזוס" (1927); „די יודאָס פון יעזוס" (1927); אין יאָר 1935, דעם יאָר פון זיין טויט, דערשיינט זיין ביאָגראַפישער ראָמאַן „סטאַלין".

אויב אין ערשטן פּעריאָד פון זיין ליטעראַרישן שאַפן איז אנרי באַרביס געווען אַן אינדיווידואַליסט און עסטעט, אָפּגעריסן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט ער אין דער שפּעטערער תקופה געשטעלט זיין קרעפטיקע פעדער אין דינסט פון סאָציאַלע אידעאַלן. אין יאָר 1924 ווערט ער אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פאַרנעמט דאָרט איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער.

זייענדיק טריי דער קאָמוניסטישער וועלט־אַנשויונג, מיט וועלכער ר׳האָט זיך אידענטיפיצירט נאָך לאַנגע יאָרן אידעישע וואַקלונגען און ליטעראַרישע קאָנצעפּציע־זוכענישן, האָט באַרביס געהאַט אַן אַבסאָלוט נעגאַטיווע שטעלונג צום ציוניזם.

## אויפריכטיקע קריטיק און זעלבסטקריטיק

אויפן דערמאָנטן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאָנגרעס אין דער הויפּטשטאָט פון בעלגיע, זענען פאָרגעקומען עטלעכע געשפּרעכן צווישן דעם פראַנצויזישן שרייבער און דעם יידישן אַרבעטער־טוער. ווייזט אויס, אַז די פעלזנפעסטע אַרגומענטאַציע, געזונטע לאָגיק און פּערזענלעכער צוביבער פון יצחקין האָבן געהאַט אַ געוואַלטיקע השפּעה אויף באַרביסן. ער ענדערט זיין טעותדיקע איינשטעלונג און פאַלשע באַגריפן, באַפרייט זיך פון די טראַדיציאָנעל־ניהיליסטישע איינשטעלונגען כלפּי דער יידנפראַגע מצד מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער און קאָמוניסטישע אויטאָריטעטן. מיט אמתער אויפריכטיקייט וואָס איז אייגנטימלעך פאַר גרויסע גייסטער, שרייבט ער צו י. יצחקין:

...מיין טייערער חבר! כ'וויל זיך פאַר דיר מודה זיין, אַז אין די פראַגן פון מאָדערנעם יידישן לעבן און זיין קאַמף, בין איך אַ לאַנגע צייט געווען אין אַ לאַגע פון אומפאַרשטענדעניש. מיינע פאַרשונגען האָבן שטילערהייט אויסגעאיבט און אַנטוויקלט אין מיר אַ טיפע ליבע צום יידישן פאָלק. מיט דער דאָזיקער תמימותדיקער ליבע האָב איך זיך גופא אַנגעהויבן דערקלערן דאָס מאָדערנע יידישע לעבן; און דאָ האָב איך זיך אַנגעשטויסן אין דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג, דעם ציוניזם.

...ווי ס'זאָל נישט אויסזען פּאַראַדאָקסאַל אין דיינע אויגן, האָב איך אין ציוניזם געזען אַן אַנטי־יידישע באַוועגונג...

...ערשט איצט האָב איך אַנגעהויבן באַגרייפן און פאַרשטיין, אַז די ציוניסטישע שטרעבונגען פון מאַסן יידישע אַרבעטער שטעלן מיט זיך פאַר אַ באַשטימטע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג־דערשיינונג אינעם קלאַסן־קאַמף פונעם יידישן פּראָלעטאַריער פאַרן סאָציאַליזם. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל פאַרדינט דעריבער לויט מיין מיינונג, אויף אַ זייער גרויסער סימפּאַטיע מצד דעם אינטערנאַציאָנאַלן, רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס.

נישט איינמאָל האָב איך זיך געפרעגט: אין וואָס ליגט דער רעוואָלוציאָנערער מהות פונעם יידישן פאָלק? פאַר וואָס איז דער ציוניסטישער אידעאַל פאַרט אַריינגעדרונגען צווישן די יידישע מאַסן? נאָר ווען כ'האָב דיך, יצחקי, באַגעגנט אויפן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאָנגרעס און געהערט דיין רעדע אין נאָמען פון פועלי־ציון, האָב איך זיך אויפריכטיק געפרייט. מיט גרויס אינטערעס האָב איך זיך צוגעהערט צו דיינע רייד און געפונען אין זיי ענטפערס אויף פיל פון מיינע פראַגן.

...דער ציוניזם איז נישט קיין פלאַכער, מעטאַפיזישער באַגריף, נאָר אַן אויסדרוק פונעם נאַציאָנאַלן באַפרייונג־קאַמף פונעם יידישן פאָלק.

**ווו זענען די נאָכפאָלגערס פון אנרי באַרביס?**

מיר האָבן געברענגט בלויז אייניקע אויסצוגן פון באַרביס' בריוו, אָבער די סאַמע וועזנטלעכע, וועלכע באַווייזן דעם טיפן קער ביים גרויסן פראַנצויזישן הומאַניסט און זיין אויפריכטיקע זעלבסטקריטיק, הלמאי ער האָט נישט ריכטיק פאַרשטאַנען דעם מהות פון ציוניזם און זיין נאַציאָנאַל־באַפרייערישן, פּראָגרעסיוון כאַראַקטער. דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז דער פאַקט, וואָס צו אַזעלכע מסקנות איז באַרביס דערגאַנגען מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען ארץ־ישראל איז געווען אָקופּירט דורך ענגלאַנד און דער יידישער יישוב האָט דעמאָלט געציילט נישט מער ווי 150 טויזנט נפשות.

דערפאַר זעען אויס משונהדיק ווילד און אויסטערליש די איינשטעלונגען און מיינונגען וועגן דער שוין צען יאָר עקזיסטירנדיקער מדינת ישראל, מיט איר אָרגאַניזירטער אַרבעטער־שאַפט און פּרעכטיקע אויפטוען, מצד די יעניקע אין מאָסקווע און אין אַנדערע הויפּטשטעט, וועלכע באַטראַכטן זיך מיט שטאָלץ ווי די גייסטיקע יורשים און אידעישע נאָכפאָלגער פון אנרי באַרביס. פאַר די לעצטע דריי צענדליק יאָר איז פאָרט עפּעס וואָס פאַרגעקומען: מיר זענען דערגאַנגען צו אַ מעמד פון אַ זעלבשטענדיקער מלוכה, מיט אַ באַפעלקערונג פון קאַרגע צוויי מיליאָן; ישראל איז געוואָרן אַ וויכטיקער גורם אויפן נאָענטן מזרח, איז פאַרטראָטן אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און האָט איינגעשטעלט פּאָליטישע, דיפּלאָמאַטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַציונגען מיט צענדליקער פעלקער און לענדער. נאָר מאָדנע: אין דער מאָס וואָס מיר זענען געגאַנגען פאָרויס, זיך אַנטוויקלט און געשטיגן,

אַזוי האָבן די אידעישע מקורבים פון באַרביסן געשפּאַנט גאָר אויף צוריק, קלאָמערנדיק זיך נאָך אין יענע טעותדיקע און פאַרשימלטע באַגריפן וועגן יידישן פאָלק, זיין לאַנד און זיין באַפרייונג־באַוועגונג.

שווער זיך צו דערמאָנען פאַר די לעצטע צען יאָר עפּעס אַ דעקלאַראַציע נוסח־באַרביס פון די „אנשי־באַרביס". אָדער אַ בויקאָטירנדיק שטילשווייגן, אָדער אויסברוכן און אָנפאַלן פון טאָטאַלער נעגאַציע, ביים באַוווסטזיניקן פאַרזען דעם קרבנותפולן וועג פון אַ שווער־געפּ־רווט פאָלק צו דעראָבערן פאַר זיך נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט און זיין העראָישן גראַנגל צו זיכערן דעם קיום פון דער יונגער מדינה, וואָס איז באַלאַגערט מיט פיינטלעכע שכנים.

☆

די דאָזיקע געדאַנקען, און באַטראַכטונגען האָבן געשוועבט אין חלל, ביים מספּיד זיין י. יצחקי. זיי האָבן אָבער מערער אַ שייכות צום לעבעדיקן פאָלק און זיין דינאַמישער מדינה.

די פראַגע „ווו זענען די נאָכפאָלגערס פון אנרי באַרביס?" — שטייט ווידער מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. (י"ש ת"א, 9.10.57 ; ע"ה בראזיל. נאָוו. 57')

# די וואָרענונג פון נצרת

אין נצרת, די שטאָט אין גליל התחתון, ווו ישו איז אויסגעוואַקסן און געפּרעדיקט דעם „נייעם טעסטאַמענט", האָבן דעם לעצטן ערשטן מאַי זיך אָפּגעשפּילט געשעענישן, וואָס מיט זייער כאַראַקטער, פאַנאַטיזם און פאַרנעם, זאָגן זיי אָן אַ נייעם עטאַפּ אינעם קאַמף מצד אַ פאַנאַטיש־רעליגיעזער, הגם פּאָליטישער קאַסטע, וואָס איר נאָמען איז — מק"י. דער אונטער־שייַד באַשטייט „נאָר" אין דעם, וואָס אָנשטאָט ישו'ס פּרעדיקן „ליבע צום צווייטן", האָט מיקוניס מיט זיינע „אַפּאָסטאָלן" פון נצרת, די אַראַבישע חברים פון מק"י, אַליין געטיילט קלעפּ אויף רעכטס און לינקס, געפּרעדיקט שנאה און האַס צו דער יידישער מדינה און איר רעגירונג, באַוואָרפנדיק די פּאָליציי מיט שטיינער — אַן אָנדייטונג, אַז אינעם פּאָליטיש־פּראַלאַמענטאַרישן קאַמף פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, דאַרפן אויך שטיינער און פויסטן שפּילן אַ געוויסע ראָל.

מיר וואָלטן פאַרשטאַנען און אַפילו באַרעכטיקט דעם צאָרן פון די מק"יסטישע יעזויטן, ווען זיי קומט אויס צו אַרבעטן אין אומלעגאַלע באַדינגונגען. פאַר אַן אונטערערדישער, רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע ליידט פון טעראָר און אונטערדריקונג, האָט זיכער אַ זין אין טאָג פון ערשטן מאַי אַ פּרווו געבן די אייגענע רייען זייער טריישאַפט צו דער אידייע און צוגעבונדנקייט צו דער באַוועגונג, אַפילו ווען דורך צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי. אין ישראל אָבער איז די היגע קאָמוניסטישע פּאַרטיי די איינציק לעגאַלע אויפן גאַנצן נאָענטן מזרח, זי געניסט פון אַלע רעכט וואָס אַ דעמאָקראַטישער רעזשים גיט פּאָליטישע פּאַרטייען, זי איז פאַרטראָטן אין כנסת, באַזיצט אַ פּיל־שפּראַכיקע פּרעסע, וועלכע אַנטשפּרעכט ווייט נישט איר נעבעכדיקער השפּעה, פאַרמאָגט פּאַרטיי־קלובן, זיצט אין דער הסתדרות און אין שלום־קאָמיטעט. נאָכמער — נישט געקוקט אויף איר זעלבסט־איזאָלאַציע און פאַראַכטונג מצד דעם גרעסטן טייל פון דער היגער אַרבעטער־עפנטלעכקייט, האָט איר יוגנט דעמאָנסטרירט אין תל־אביב אינעם אייניהייטלעכן צוג. און מק"י גופא, געננוי ווי אַלע אַנדערע ריכטונגען, אָנגעשלאָסענע אין דער הסתדרות, איז געווען רעפּרעזענטירט דורך אַ פּאַרטייאישער דעלע־גאַציע. אויך קאָן זיך נישט מק"י באַרימען מיט אירע פּאָליטישע אַרעסטירטע (ווי די שכנותדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין מצרים), פּונקט ווי זי באַזיצט נישט קיין פּאָליטישע

עמיגראַנטן (ווי באַכדאַש און זיינע חברים פון סיריע, וועלכע האָבן געמוזט אַוועק אַפּריכטן גלות אויסער די גרענעצן פון זייער לאַנד).

מיר נעמען אָן, אַז מק"י מוז נישט פאַר דעם אַלעמען זאָגן אַ שיינעם דאַנק דעם רעזשים — און עס איז איר רעכט אָנצוגיין מיט אַ קאַמף, לויטן אייגענעם (אָפּטמאַל — שוין גאָרנישט לויטן אייגענעם...) איינזען און געשמאַק, פאַרשטייט זיך, אין געוויסע ראַמען פון דעם דאַזיקן רעזשים און לויט די פאַראַנענע געזעצן און פאַרשריפטן. דאָס אַלץ איז אָבער נישט חל אויף דער אָנפירונג פון דער היגער קאָמוניסטישער פאַרטיי. די טיפע יוירונג אין די אייגענע רייען, די סעפּעראַטיסטיש-נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן צווישן די אַראַבישע מיטגלידער אירע, וועמען אַבדול נאַצער איז פּסיכאָלאָגיש און אַפילו פּאָליטיש פיל נענטער און סימפּאַטישער איידער זייער אייגענער מנהיג מיקוניס, האָט געשטויסן די מק"י-אָנפירונג איבערצוגיין אויף אַ „העכערן שטאַפּל" פון איר קאַמף. די אַרענע דערפאַר איז אויסגעקליבן געוואָרן דווקא נצרת, דער טערמין — ערשטער מאַי, די מיטלען — שטיינער...

וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען ?

ס'איז גאָרנישט פאַרעלטערט, אַפילו צוויי וואָכן נאָכן ערשטן מאַי, צו דערציילן בקיצור די אַנטוויקלונגען אין נצרת. זיכער איז עמעץ שולדיק דערין, וואָס גראַד אין יענער גליל־שטאָט זענען דערלאַנגט געוואָרן אַזש דריי ווענדונגען צו דערלויבן באַזונדערע מאַי-דעמאָנסט־ראַציעס. לויט ווי די פּאָליציי דערקלערט, האָט זי געגעבן די דערלויבענישן לויט דער ריי ווי די בקשות זענען דערלאַנגט געוואָרן, פעסטשטעלנדיק, אַז 9 פרי וועט זיך אָנהייבן די דעמאָנסטראַציע פון דער הסתדרות (לייען: מפא"י), 10 פרי — פון מפ"ם און 3 נאָכמיטאָג — פון מק"י. און דאָ האָט מק"י מיט חוצפּה און פרעכקייט, באַשמאַלצן מיט אַ ביסל פאַלשן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס דערקלערט, אַז זיי וועלן דעמאָנסטרירן נישט אין דער שעה, ווען מ'האָט זיי באַשטימט, נאָר ווען זיי אַליין האָבן באַשלאָסן (אויב אַזוי — פרעגט זיך — צוואָס זייער ווענדונג צו דער פּאָליציי ? !). און דאָנערשטיק 10 פרי האָט אָן אויפגערייצטער המון באַוואָרפן מיט שטיינער די הסתדרותישע דעמאָנסטראַציע, צילנדיק ספּעציעל אין די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן באַגלייט דעם צוג. כדי צוגעבן די שטיינער „צילבאַוווּסטקייט" און „אינהאַלט", האָט מען מיט זיי „מיטגעשיקט" אַזעלכע לאָזונגען, ווי „זאָל לעבן נאַצער", „נידער מיט די פאַרעטער" (געמיינט די אַראַבער, וואָס דעמאָנסטרירן אין די יידישע רייען) און ענלעכע עפּיטעטן, פול מיט שנאה און גיפט צו דער מדינה און אירע לעגיטימע אָרגאַנען.

דער רעזולטאַט ?

צענדליקער פאַרוווּנדעטע פּאָליציאַנטן און בירגער, 177 פאַרהאַלטענע (33 פון זיי זענען שוין באַפרייט געוואָרן), קעגן 68 ווערט צונויפגעשטעלט אַ באַשולדיקונגס-אַקט און — — — ווייטערדיקע אַרעסטן, אָנגעשטערענגטע לאַגע, שפּאַנונג אין לאַנד, העצע און אומנייטיקע „רעקלאַמע" אין אויסלאַנד, אויסגעברייטערטער און פאַרטיפטער תהום צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג און דער מדינה.

☆

דאָס דאָזיקע בילד און אָפּשאַצונג וועלן נישט זיין קיין פולע, אָביעקטיווע און ערלעכע, אויב מיר וועלן פאַרזען די צווייטע זייט פון דער מטבע: דעם באָדן, אויף וועלכן ס'איז אויסגעוואַקסן די פאַרביטערונג, אומצופרידנקייט און כעס פון די אַראַבישע איינוווינערס אין נצרת, צי אין אום-אל-פחם, וועמענס הענט האָבן אַזוי געשיקט באַוואָרפן מיט שטיינער דעמאָנס־טראַנטן און פּאָליציאַנטן. מיר מיינען — די מיליטערישע פאַרוואַלטונג אין באַשטימטע אַראַבישע געביטן פון לאַנד; דאָס אַוועקשטעלן 200 טויזנט מענטשן אין אַ סטאַטוס פון בירגער פון אַ צווייטער מדרגה; דאָס פאַרשליסן די טויערן פון דער הסתדרות פאַרן אַראַבישן אַרבעטער און פעלאַך; דעם נידעריקערן לוין, וואָס ווערט אויסגעצאָלט דעם

אַראַבישן אַרבעטער; די קלענערע פּרייזן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטיקלען, באַזונדערס אויף טאַבאַק, פון די אַראַבישע געביטן און אַנדערע עוולות און דיסקרימינאַציעס לגבי אַ מינדערהייט, וואָס ספּעציעל מיר יידן, וואָלטן נישט באַדאַרפט אין זיי פאַרגעסן, נאָך אונדזערע ביטערע דערפאַרונגען אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, רומעניע און אַנדערע לענדער.

דעם דאָזיקן צעטל וואָלט מען געקאָנט ציען זייער לאַנג, אָבער דאָס בלויזע אויסגערעכנטע איז גענוג אויף צו זייען פאַרביטערונג, אומצוטרוי, אויב נישט שנאה. און ווי ווייט איז דען פון אַזעלכע פּסיכישע געפילן ביז פיזישער רעאַגירונג? ווער שמועסט נאָך, אַז דאָס באַוואָרפן מיט שטיינער האָט „אידעאָלאָגישע דעקונג” און מאָראַלישע אונטערשטיצונג מצד אַ פּאָליטישער פּאַרטיי אין לאַנד און מצד אַ גאַר גרויסער מדינה.

אויך די צביעותדיקע, פאַלשע און יעזויטישע פּאָליטיק פון מפא״י, צו האַלטן אַלע טעג אין יאָר די אַראַבישע אַרבעטער אויסער דער הסתדרות און בלויז דעם ערשטן מאַי זיי אַרונטערברענגען אונטער דער הסתדרותישער פאָן; הייסן „זייערע” אַראַבער שרייען „זאָל לעבן בן־גוריון”, בעת גראָד ער האָט פאַר די גאַנצע צען יאָר פון זיין פּרעמיערשאַפט נישט באַזוכט קיין איין אַראַבישן ישוב אין לאַנד. (נאָכמער, בן־גוריון איז מיט אַ צייט צוריק געווען אין נצרת, געכאַפּט אַפילו אַ שמועס מיט די איינוווינער פונעם נייעם יידישן קוואַרטאַל, ביים פולשטענדיקן אויסמיידן די אַראַבישע איינוווינער פון שטאָט) — און דאָס עקשנותדיקע קלאַמערן זיך אינעם מימשל צבאי — גיסן נאָר בוימאייל אויפן אַזוי אויך העלן פייער.

אין דער אונטערשטער שורה באַקומט זיך אַזאַ בילד:

מפא״י האָט אוועקגעשטעלט די אַראַבישע מינדערהייט אין אַ לאַגע, זי זאָל זיך פילן אָפּגעטיילט פון דער מערהייט יידישע בירגער אין לאַנד. מק״י ווידער קומט איצט מיט איינע פון אירע שלאַג־לאָזונגען — „זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פאַר די אַראַבער, ביזן רעכט פון אָפּטיילן זיך”.

☆

אַנטקעגן די דאָזיקע איינשטעלונגען, וועלכע ברענגען גרויס שאָדן דער מדינה, דערשיינט מפּ״ם, וועלכע האָט אין יענעם טאָג אַרויסגעפירט אַראַבישע אַרבעטער און פעלאַכן פון שטאָט און די אַרומיקע דערפער, חברים פון קיבוץ אַרום נצרת, נייע עולים און ותיקים, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין דער דאָזיקער שטאָט. אַן אמתער צונויפשמעלץ נישט נאָר פון גלותן, נאָר אויך פון נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן האַנט ביי האַנט געשפּאַנט אין די רייען און אויפריכטיק געשטרעבט צו פעלקער־פאַרברידערונג — אָן עוולות, אָן דיסקרי־מינאַציעס, אָנעם ווילן צו ווערן אָפּגעטיילט און אָן דער שטרעבונג זיך אַליין אָפּצוטיילן. די שאַרפע קעגנערשאַפט צו אָט די אַלע איינשטעלונגען און זייער ליבע, אחריות און זאָרג פאַר דער צוקונפט פונעם לאַנד און פאַרן וווילזיין פון אַלע אירע בירגער, האָבן עס צונויפגע־פירט 4000 מענטשן אונטער דער פאָן פון דער פאַרייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע האָט דאָסמאָל אין זיך פאַרייניקט נישט נאָר לעבעדיקע מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן, שיכטן און פעלקער, נאָר אויך אויפלעבנדיקע און זיך פאַרוואָרצלענדיקע אידעאַלן פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, פעלקער־דערנענטערונג און פרידלעכן צוזאַמענלעבן. און פונקט ווי די שטיינער פון מק״י, וועלכע האָבן נישט נאָר געשפּאָלטן קעפּ, נאָר אויך צעשפּאָלטן און נאָך מערער צעריסן צווישן זיךביידע פעלקער, אַזוי האָבן אויך די אַדמיניסטראַטיווע סאַנקציעס פון מפא״י לגבי מפּ״ם אין דער הסתדרות (פון דערווייטערן די מפּ״ם־פאַרשטייער פון דער אַראַבישער אָפּטיילונג), נישט געהאָלפן פאַרשיטן דעם תהום צווישן ביידע פעלקער, אויף וועמען עס איז גוזר געווען צו לעבן צוזאַמען אין דער אויפגעריכטער מדינה.

מיר חזרן איבער:

נישט די שטיינער פון מק״י, געוואָרפענע אויס שנאה, פונקט ווי די מיליטערישע פאַרוואַלטונג מיט אירע דראַקאָנישע געזעצן, וואָס זייען שנאה, זענען עלול אַריינצוברענגען באַרואיקונג און אַנטשפּאַנונג אין די באַציִונגען צווישן דער יידישער מערהייט און דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד. גראָד האָט דער טאָג פון ערשטן מאַי באַדאַרפט זיין אַ ווענדפּונקט בייביידע פּאַרטייען — מק״י און מפּא״י — צו ענדערן זייער אונטער־גראַבערישע און שעדיקערישע טעטיקייט פון צעטיילן ביידע פעלקער. די געשעענישן אין נצרת האָבן אָבער באַוויזן, אַז מען איז אַזוי דאָגמאַטיש און פאַנאַטיש, מיט אָפּגעלעבטע באַגריפן און ריטואַלן, ווי דער רוב איינוווינערס פון די מאָנאַסטירן און קלויסטערס פון דער הייליקער שטאָט נצרת. (י״ש ת״א, 15.5.58)

# דאָס „פינטעלע ייד״ ביי האָוואַרד פאַסט און ביי דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״

„אַ שווערלעבער און מרה־שחורהדיקער האָב איך זיך איבערגעוועקט, גלייך כ׳וואָלט זיך איבער נאַכט פאַרעלטערט אויף עפּעס אַ מאָדנעם אופן. כ׳האָב זיך אויפגעוועקט ווי אַ מענטש, וועלכער איז פּלוצעם באַלעסטיקט געוואָרן מיט אַ פאַמיליע — אַ ווייב, צוויי קינדער און נישט באַצאָלטן דירה־געלט. איך האָב נישט געהאַט קיין משפחה, קיין ענלעכע דאגות, נאָר איך האָב קלאָר און דייטלעך דערפילט, אַז אַט איז געקומען דער סוף צו פיל, פיל זאַכן...״

די דאָזיקע ווערטער, מיט וועלכע האָוואַרד פאַסט הייבט אָן זיין בוך „דער אָפּפאַר״, זענען מיר געקומען אויפן זכרון, ווען כ׳האָב איבערגעלייענט דעם תמצית פון אַן אַרטיקל, דערשינען אינעם צענטראַל־אָרגאַן פון סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״, פול מיט זידלערייען און באַליידיקונגען אויף דעם באַרימטן, יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער, לאַנג־יאָריקן קאָמוניסט און טרעגער פון סטאַלין־פרייז פאַר שלום — האָוואַרד פאַסט. נאָך אַזאַ, לגמרי נישט ליטעראַרישן לעקסיקאָן, קאָן מען אויף אַן אמת דערפילן, אַז „אַט איז געקומען דער סוף צו פיל פיל זאַכן...״

נאָר דאָס איז נישט אַלץ. ווייזט אויס, אַז דער לאַנגער צעטל באַשמוצנדיקע עפּיטעטן איז נאָך ווינציק געווען פאַר דער מאָסקווער צייטשריפט אויף אַראָפּצורייסן דעם שרייבער. אַזעלכע אויסדריקן ווי „שווינדלער״, „אָפּאַרטוניסט״ און „דערזערטיר״ זענען שוין אָפּגעריבענע, אָן באַדייטונג און קראַפט, בפרט אַז זיי הערן זיך פון אַ טריבונע, וועלכע ווענדעט זיי אָן זייער אָפט אין קאַמף מיט קעגנער, באַזונדערס מיט אָפּטריניקעס. מען דאַרף דערלאַנגען נייע שלאָג־אַרגומענטן, קרעפטיקערע באַצייכענונגען, נישט דווקא אַרויסגענומענע פון דער רייכער, זאַפטיקער רוסישער שפּראַך. כלפּי פאַסטן איז אַ יושר צו באַנוצן אַזעלכע ווערטער, וועלכע זאָלן עטוואָס אַ קיצל טאָן די געפילן פון יענע לייענער, ביי וועמען דער ריינער, אינטער־נאַציאָנאַליסטישער וועלט־באַנעם האָט זיך דערקייקלט ביז די... יידן; מען דאַרף פאַרפלאַכן פאַסטן אַלס שרייבער און גייסטמענטש, דורך פאַרוואַנדלען אים אין אַן אַדוואָקאַט פון אַ מדינה, וואָס איר איינציקע אייגנשאַפט איז צו זיין אַן „אימפּעריאַליסטישער מכשיר״; און ווער שמועסט נאָך, אַז אויב מען וועט דעם שרייבער אַרויפזעצן אויפן קאָפּ אַ ציוניסטישע קרוין, קאָן מען דאָך זיכער האָפן אויף אַ ביסל אַראַבישער עולם־הזה...

דערפאַר איז דאָסמאָל „באַרייכערט״ געוואָרן דער סטאַנדאַרטער זידל־לעקסיקאָן פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ״ מיט אַלט־נייע פיילן, גענומענע פונעם אַרסענאַל פון פּראַגער פּראָצעס און דעם דאָקטוירים־בלבול אין מאָסקווע מיט פיר יאָר צוריק. האָוואַרד פאַסט איז דורך דער

צייטונג אויך פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס „מליץ־יושר פון מדינת ישראל" — און „קעמפנדיקער ציוניסט".

דאָס האָט באַדאַרפט זיין דאָס לעצטע וואָרט פון מאָסקווע לגבי דעם שרייבער און מוטיקן קעמפער.

☆

מיט 28 יאָר צוריק האָט האָוואַרד פאַסט דעביוטירט מיט אַ נאָוועלע „קינדער". אויפן ראַנד פון דער דאָזיקער נאָוועלע, געווידמעט דער שווערער לאַגע פונעם יינגן דור אין אַמעריקע, שרייבט פאַסט: „איך האָב געצייכנט די־אַ דערציילונג, זייענדיק אָנגערעגט פון פאַרפיטערונג און האַס צו דעם, וואָס אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט מאַכט פונעם קינד... די ראַסן־העצע און די שרעקלעכע פאָרמען פון דער רעאַקציע זענען אַ מגיפה און אַ קללה פון דער איצטיקער אַמעריקע. אויב מיר וועלן זיי נישט פאַרניכטן, וועלן זיי אונדז אומברענגען"...

אין די דאָזיקע געציילטע ווערטער שטעקט די קווינטעסענץ פון פאַסט'ס רייכער ליטעראַרישער שאַפונג. ער איז נישט נאָר אַ וווּנדערבאַרער דערציילער און פּרעכטיקער שילדערער פון היסטאָרישע תקופות, נאָר אויך אַן אומפּשרותדיקער קעמפער פאַר הויכע מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס נאָר דער קאָמוניזם האָט באַדאַרפט זיין זייער איינציקער און אמתדיקער אויסדריקער. און געגנוי ווי ער האָט אין זיינע ווערק זיך פאַרטיפט אינעם ווייטן און נעענטערן עבר, אַזוי איז זיין קעגנוואָרט געווען דורכגעדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, מיט אַקטיווער טעטיקייט אין די רייען פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַפילו אין די סאַמע שווערסטע יאָרן פון דער מעקאַרטישער רעאַקציע. ער האָט אַ סך געשריבן אין דער פּאַרטיי־פּרעסע — אָן האָנאָראַר — און דעם רוב פון זיינע פאַרדינסטן אָוועקגעגעבן דער באַוועגונג.

אַזעלכער איז ער געווען ביזן ריס מיט מאָסקווע און אַלס אַזעלכער איז ער פאַרבליבן אויך איצט, אַפילו נאָכדעם ווי די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" האָט אים אַזוי באַשמוצט און באַשפּיגן.

☆

אָן שום ספק, אַז אינעם איצטיקן שאַרפן וואָרט־געפעכט, וואָס טראָגט זיך פון ניו־יאָרק און מאָסקווע, האָט דאָס „פינטעלע ייד" געשפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע, אויב נישט — אַנטשיידנדיקע ראָל.

אָנגעהויבן האָט זיך די געשיכטע מיט 11 חדשים צוריק, ווען האָוואַרד פאַסט האָט אינעם אַמעריקאַנער קאָמוניסטישן זשורנאַל „מיינסטרים" פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע אויפקלערונג בנוגע די סיבות פון זיין אַנטשיידונג צו פאַרלאָזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. די „געהיימע" רעדע פון כרושטשאָוון אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס האָט אים דערפירט צו דער מסקנה, אַז „עפּעס איז טראַגיש נישט אין אָרדענונג אין דער קאָמוניסטישער וועלט־באַוועגונג; אַז „מען האָט אונדז געהייסן אַראָפּשלינגען אַזעלכע אַבסורדן, ווי די סאָוועטישע טעאָריע וועגן 'קאָסמאָפּאָליטיזם'. מיר האָבן געזען ווי די יידישע קולטור פאַרשווינדט אין רוסלאַנד און אַלע אונדזערע פאַרלאַנגען פאַר אַן אויפקלערונג זענען געבליבן אָן אַן ענטפער".

און ווייטער:

„אין נאָוועמבער 1956 האָט פּרעמיער בולגאַנין געשיקט נאָטעס צו ענגלאַנד, פראַנקרייך און ישראל. די נאָטעס צו ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען געווען ביידע פאַרנונפטיק און מעסיק אין טאָן; די נאָטע צו ישראל איז געווען פאָרמולירט ווי אַן אולטימאַטום, אין אַ באַליידיקנדיקן און גרילצנדיקן טאָן. היות ווי ישראל איז געווען די אַמווייניקסטן שולדיקע פון די דריי און די איינציקע פון זיי וואָס האָט געהאַנדלט לויט די באַדערפענישן פון דירעקטער נאַציאָנאַלער זיכערהייט, איז דער אומקאָנטראָלירטער פאָראורטייל געווען בולט און סימפּטאָמאַטיש".

זיין צאָרן קעגן אַנטי־יידישן קורס פון מאָסקווע ווענדעט פּאָסט נישט נאָר צום סאָוויעטישן פּרעמיער, נאָר אויך צו די „מיניסטאָרן" פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור — איליאַ ערענבורג און באָריס פּאָלעוואָי, פאַר זייער שווייגן און פאַרשווייגן די יידישע טראַגעדיע דאָרט. אין זיין בריוו צו פּאָלעוואָין קומט אויך אַזאַ פראַגע:

„...און פּאַרוואָס, פּאַרוואָס, באָריס, האָט איר אונדז דאָ אין ניו־יאָרק דערציילט, אַז דער יידישער שרייבער קוויטקאָ לעבט און איז געזונט און אַז ער וווינט אין אייער הויז, ווי אייער שכן, בעת ער איז געווען איינער פון די געהרגעטע און איז שוין לאַנג געווען טויט. פּאַרוואָס האָט איר געזאָגט אַ ליגן אויף אַזאַ שווידערלעכן און בכוונהדיקן אופן?"

אויף די, ענלעכע און אַנדערע פאַרוואָרפן, איז נישט געקומען קיין שום ענטפער. אַ סברה, אַז מען האָט זיך לאַנג באַראַטן ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף די צודרינגלעכע און אויטאָריטעטע „פאַרוואָסן" פון אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי האָווארד פּאָסט. נאָכן אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־פעסטיוואַל אין מאָסקווע, איז דער ערשטער אָנגריף אויף אים אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ" געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ מעסיקער, בעת די איצטיקע אַטאַקע האָט איבערגעשטיגן אַלץ וואָס איז אָנגענומען אין אָנשטענדיקער פּאָלעמיק צווישן צדדים.

אויב צונויפנעמען אַלע באַשמוצונגען אין דער מאָסקוואָער ליטעראַרישער צייטשריפט, איז שווער נישט מסכים צו זיין מיט פּאָסטן, וועלכער האָט דערקלערט פאַר דער קאָרעס־פּאָנדענטין פון „דבר", אַז „די ווערטער 'קעמפנדיקער ציוניסט' האָבן פאַרן סאָוויעטישן אַרטיקל־שרייבער געדינט אַלס סינאָנים פאַרן וואָרט 'ייד' און אויך אַלס רעאַגירונג אויף די באַשולדיקונגען וועגן אַנטיסעמיטיזם אינעם סאָוויעטישן רעזשים".

איז פּאָסט גערעכט מיט זיין אָפּשאַצונג, וועגן וועלכער ער רעדט מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט? האָבן אַזעלכע באַצייכענונגען באַדאַרפט זיין אַ נייער נוסח קעגן „פּינטעלע ייד", מיט וועלכן די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" האָט געוואָלט פּוגע זיין פּאָסטן? ווען די רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג און די אינספּיראַטאָרן פון דעם פּאַשקוויל זיך פּרווון ווען ריינוואַשן פון אַזאַ הארבער באַשולדיקונג?

☆

און וואָס איז מכוח דעם „פּינטעלע ייד" פון האָווארד פּאָסט גופא?

דאָ איז נישט נויטיק אַ סך נאָכצוזוכן אין זיינע צאָלרייכע ווערק, ווייל אין זייער איבער־וויגנדיקער מערהייט זענען לגמרי נישט־יידישע ענינים געווען די צענטראַלע טעמע. בלויז „מיינע ברידער, די רומפולע העלדן" און דאָס לעצטע בוך — „דער נאַקעטער גאָט", זענען דורכאויס יידישע טעמעס. געגוג אָבער צו ציטירן דעם שרייבער אַליין, וועלכער האָט סיי אין ראַדיאָ און סיי אינעם אויבנדערמאָנטן אינטערוויו פאַרן „דבר", אַזוי פאָרגעשטעלט זיין יידישן אני־מאמין:

„איך בין אַ פּאַרערער פון מדינת־ישראל, איך פיל צו איר אַ טיפע סימפּאַטיע. איך האָב זי געשטיצט, נאָך זייענדיק אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי. איך בין אָבער קיינמאָל נישט געווען און בין נישט קיין ציוניסט, דערפאַר ווייל איך גלייב נישט אינעם געדאַנק פון אַ פּולקאָמען און ענטגילטיקן קיבוץ גלויות אין מדינת ישראל".

ס'איז אָנצונעמען, אַז די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" האָט יאָ געוווּסט וועגן פּאָסט'ס קעגנערשאַפט צום ציוניזם, אָבער דאָס האָט איר נישט געשטערט צו וואַרפן אויף אים די דאָזיקע אומזיסטיקע באַשולדיקונג, פּונקט ווי זי האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון פּאַרלוימדונגען פון אַ גאַנצן אַנדערן נוסח, ווי: „דעזערטיר", „שווינדלער", „אָפּאָרטוניסט", „פּראַ־אָדם", „ביליקער באַרימער", „פחדן", „טאַקטלאָזער", „מאָראַל־צעשטערער" און „אויסבייטער פונעם פּאַרטיי־ביכל אויף אַ טשעקן־ביכל".

און דאָס אַלץ דערפֿאַר, ווייל יעטוועדער געזונטער אימפּולס אויף קריטיק מיינט ביי זיי ציוניזם. מעג דער אָנגעגריפֿענער זיך נישט אידענטיפיצירן מיט דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע, אַפֿילו זיך שאַרף אָפּגערענעצן פון איר. (י״ש ת״א, 13.2.58)

# פון דער גראַמיקאַ־דעקלאַראַציע ביז כרושטשאָווס לעצטער דערקלערונג

צען יאָר מדינת ישראל, מיינט אויך — צען יאָר באַציונגען מיט דער ערשטער סאָציאַ־ליסטישער מלוכה; צוויי „פּיאַטיליעטקעס״ יידישע דאָליע אין ראַטנפאַרבאַנד גופא; די פּאָליטיק פון מאָסקווע כלפי דעם יידישן פאָלק פאַרן לעצטן צענדליק יאָר.

### היינט — מיט צען יאָר צוריק...

גראַד ווען די מדינה איז נאָך געווען אין אָנהייב פון ווערן, ווען ס׳האָבן זיך קוים גענומען צייכענען די קאָנטורן פון אַ יידיש־זעלבשטענדיק לעבן, האָט די סאָוויעטישע פּאָליטיק צוגע־האָלפן דעם עמבריאָן אַ שנעלערן געבורט. שוין אויף דער ערשטער זיצונג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון אונ״אָ (5־טער מאַי 1947) האָט בלויז דער סאָוויעטישער פאָרשטייער געפּאָדערט גלייך איינצולאָדן די יידישע אַגענץ און זי באַטייליקן אין אַלע פאַרהאַנדלונגען פון דער קאָמיסיע. מיט פינף טעג שפּעטער וויל גראָמיקאָ פאַרלויפן דעם וועג און ער פּאָדערט, אַז די פאַרש־קאָמיסיע פון אונ״אָ פאַר ארץ־ישראל זאָל שריפטלעך פאַרפיקסירן אַ באַשלוס: „די זעלבשטענדיקייט פון פּאַלעסטינע דאַרף זיין דער ענדציל פון יעטוועדער לייזונג״. און שפּעטער, אויף דער פול־פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, קלינגען עכט הומאַניטאַריש, סאָציאַליסטיש און יושרדיק די ווערטער פון גראָמיקאָן: „אונדזער חוב איז צו העלפן דעם דאָזיקן אומגליקלעכן פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אין ציינט פון דער מלחמה. אַ באַדייטנדיקער טייל פון יידישן פאָלק איז געבונדן מיט דער צוקונפט פון ארץ־ישראל. עס וואָלט געווען אַן עוולה צו באַרויבן פון אים די רעכט פון אַן איינענער מדינה״.

מיטן פּראָקלאַמירן די מדינה און נאָכן אַראַבישן איבערפאַל אויף איר, זענען יענע ווערטער באַגלייט געוואָרן מיט קאָנקרעטע מעשים: מיליטערישע הילף פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, ספּעציעל פון טשעכאָסלאָוואַקיי; ברייט־צעעפנטע טויערן פאַר יידן פון די סאָציאַליסטישע לענדער עולה צו זיין קיין ישראל; מאָראַלישע און פּאָליטישע אונטערשטיצונג אין אונ״אָ.

און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ערשט נישט לאַנג. ווי זאָגט אונדזער ראַדיאָ יעדן אָוונט: „היינט, מיט צען יאָר צוריק״...

### דער טראַגישער באַרג־אַראָפּ

דאָס זעלבע יאָר 1948 האָט אָבער אויך צו פאַרצייכענען דעם ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון די באַציונגען מצד די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען צו דער יידישער מינדערהייט דאָרט, צום אַלוועלטלעכן יידישן פאָלק און צו מדינת ישראל.

כלפי פנים האָט שוין יענעם יאָר זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור, דאָס אויפלייזן דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, דאָס אָפּשטעלן די איינציק־יידישע ציישונג „אייניקייט״, דאָס אויפהערן אַרויסגעבן אַ בוך צי אַ בראָשור אין יידיש. כלפי חוץ ווידער, בלויז מיט אַ יאָר שפּעטער, דער טרויעריק־באַרימטער בריוו פון

איליאַ ערענבורג „צו אַ יידישן סטודענט אין מינכען״ — אַ האַרבער אָנזאָג אויסצובריייטערן דעם אַנטי־יידישן קורס אויף די תפוצות און אויף מדינת ישראל.

און דערנאָך ?

דאָ ווערט שוין פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון ווייטיק און אַ שוידער גייט אַדורך איבערן לייב, ווען מען דערמאָנט זיך די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג: דער טויט פון מיכאָעלסן ביי געהיימניספּולע אומשטענדן; דאָס דערשיסן אָדער פאַרשיקן די בעסטע יידישע שרייבער, דיכטער, זשורנאַליסטן און קולטור־טוער,ביים גלייכצייטיקן עקשנותדיקן פאַרשווייגן זייער גורל; דער פּראַגער פּראָצעס און דער דאָקטוירים־בלבול אין מאָסקווע; די קאָנפערענץ אין באַנדונג פון 24 אַפריקאַניש־אַזיאַטישע מדינות, מיטן בויקאָטירן נאָר ישראל און גלייכצייטיקן אָננעמען אַנטי־ישראלדיקע באַשלוסן; די געוווער־טראַנזאַקציעס מיט מצרים און סיריע; די אָפטע אַרטיקלען און ראַדיאָ־אוידיציעס פון מאָסקווע, פול מיט ליגנס און שנאה צו מדינת ישראל. אויך האָבן מיר געזען אויף קאָנגרעסן און צוזאַמענקונפטן פון דער אַלוועלטלעכער שלום־באַוועגונג די איניציאַטיוולאָזיקייט און שטילע צושטימונג מצד די סאָוויעטן צו דער האַנדלונג פון די אַראַבישע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אָנקניפּן וועלכן ס׳איז קאָנטאַקט מיט ישראלדיקע פאָרשטייער. צו דעם זענען נאָך צוגעקומען די „וויסנשאַפטלעכע״ פּובליקאַציעס אין דער גרויסער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע בנוגע יידן און ישראל, ווו איגנאָראַנץ און רשעות גייען באַזאַמען. אונדזערע קיבוצים, פון וועלכע די סאָוויעטישע קאָלכאָזן און סאָווכאָזן וואָלטן געמעגט און באַדאַרפט אַ סך אָפּלערנען, ווערן פאָרגעשטעלט אַלס „קאַפּיטאַליסטישע קאָאָפּעראַטיוון״; מדינת ישראל — „אַ צוריקגעשטאַנענע, קאָלאָניאַליסטישע, אימפּעריאַליסטישע און מאָנאָפּאָליסטישע מדינה״. און וואָס שייך דער ערד־באַאַרבעטונג, איז זי באַגלייט מיט אַ בילד: אַ קעמל, איינגעשפּאַנט אין אַ הילצערנעם אָקער...

באַזונדערס עם־האַרצותדיק און ווילקירלעך האָט זיך צו אונדזערע ענינים באַצויגן דער לעצטנס־דערשינענער 39טער באַנד פון דער „באָלשאַיאַ סאָוויעטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ״, גע־ווידמעט דעם באַגריף „ראַטן־פאַרבאַנד״: דאָרט טוט מען אונדז אַ חסד און מ׳דערמאָנט יידן, נאָר אָנעם אָנגעבן זייער צאָל, בעת פון אַלע אַנדערע 100 פעלקערשאַפטן, וועלכע באַוווינען פסס״ר, האָט די סטאַטיסטיק יאָ געהאַט וואָס צו דערציילן. דערביי ווערט נישט געדאַכט קיין איין וואָרט וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וועגן ביראָ־בידזשאַן, צי וועגן יידישן אומקום בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה. דאָס שטערט אָבער נישט דער ענציקלאָפּעדיע צו באַרימען זיך, אַז „אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין די לענדער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, ווו ס׳איז געלייזט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פּראָגע, איז נישטאָ קיין יסוד פאַרן ציוניזם און זיין אָרגאַניזאַציע״. (אַזוי איז פאַרצייכנט געוואָרן ביים באַגריף „ציוניזם״, וועמען מען האָט געווידמעט גאַנצע... 15 שורות).

## אַ שרייענדיק פאַרשוויַגן

אַט איז געקומען דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַזויפיל אַנטפּלעקונגען און אויפדעקונגען, איבערראַשנדיקע און זייער געוואַגט־קייט און דערמוטיקנדיקע אין זייער אויסשפּראַך. בנוגע יידישע ענינים — אַ שוויַג.

כדאי ביי דער געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז אין דער לאַנגער, „סודותדיקער״ רעדע אויפן צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר, האָט כרושטשאָוו מיט רוגזה דערציילט וועגן זיינעם אַ דרינגענדן טעלעפאָן פון איינעם פון די קריטישע פראָנטן בעת דער מלחמה מיט די נאַציס, צום הויפּט אַרמיי־פירער, י. סטאַלין. דער לעצטער האָט נישט געוואָלט צוגיין צום אַפּאַראַט, נאָר געהייסן מאַלענקאָוון פירן דעם געשפּרעך. אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד פילן מיר בפירוש

אַרויס די פּערזענלעך־געטראָפענע אַמביציע פון כרושטשאָוון, ווען דער פאַרשטאָרבענער דיקטאַטאָר האָט אָפּגעזאָגט זיך אַדורכצורײדן דורכן טעלעפאָן. הײנט ווי זאָלן מיר, ווי ײדן און ווי בירגער פון מדינת ישראל זיך פילן, אויב דער סאָוויעטישער פּרעמיער וויל נישט אויפהייבן דאָס טרייבל, ווען דער טעלעפאָן פונעם ײדישן פּראָנט קלינגט אַזוי אַלאַרמירנדיק? ווייל טאַקע אַזאַ באַציונג האָט ער דאָך דעמאָנסטרירט אויפן אויבנדערמאָנטן קאָנגרעס גופא, נישט דערמאָנענדיק מיט קיין איינציק וואָרט די קאַלטבלוטיקע רציחה איבער די ײדישע שרייבער און וועגן דער עוועטועלער רעהאַביליטאַציע פונעם ײדישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. ער האָט זיך געפירט ווי זיין פאַרשטאָרבענער פאָרגייער, איבערלאָזנדיק די דאָזיקע מלאכה פאַר עמעצן אַנדערש: דאָס האָט די וואַרשעווער „פאָלקסשטימע” באַדאַרפט אָפּזאָגן קדיש נאָך די אומגעקומענע...

דאָס עצם פאַרשווייגן די טראַגעדיע פון די ײדישע פען־מענטשן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט נאָך שרייענדיקער געמאַכט די מוראדיקע עוולה. די פאַרשווערונג פון שווייגן האָט געקאָנט אַרויסרופן ווייטערדיקע, נאָך האַרבערע פאַרדאַכטן.

## ביי ײדן — בלויז נעגאַטיווע אַספּעקטן

זומער 1956 האָט י. ב. זאַלצבערג, לאַנגיאָריקער קאָמוניסט, רעדאַקטאָר פון טאָראָנטער „וואָכנבלאַט” און מיטגליד פון פּאַרלאַמענט אין דער אָנטאָריאָ־פּראָווינץ, באַזוכט מאָסקווע אין אַ דעלעגאַציע פון דער קאַנאַדער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־פּאַרטיי (קאָמוניסטן). די דעלעגאַציע האָט זיך געטראָפן מיט כרושטשאָוון, סוסלאָוון און פּאָנאָמאַרעוון. גערעדט האָט מען בלויז וועגן ײדישע ענינים. אָט זענען כרושטשאָווס עטלעכע מיינונגען וועגן ײדן, איבערגעגעבן דורך זאַלצבערגן („מאָרגן־פרייהייט” פון 12.12.56):

כרושטשאָוו איז דאַן אַריבער צו דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס ביי יעדן פאָלק, צי דאָס זענען רוסן, אוקראַינער צי ײדן. ער האָט דאַן אויסגערעכנט אַ צאָל נעגאַטיווע אַספּעקטן פון ײדן:

— אַז בעת דער איינגלידערונג פון די באַפרייטע סאָוויעטישע געביטן, וואָס דאָס רעאַקציאָנערע רומעניע האָט פאַרכאַפּט פאַר דער רעוואָלוציע, האָבן אַ סך ײדן אויסגעקליבן צו פאָרן קיין רומעניע, איידער בלייבן און אָננעמען סאָוויעטישע בירגערשאַפט;

— אַז נאָך דער באַפרייונג פון טשערנאָוויץ זענען די גאַסן געווען זייער אומריין. ווען מען האָט געפרעגט די ײדן פאַרוואָס די גאַסן ווערן נישט אָפּגערייניקט, האָבן זיי געענטפערט, אַז דער נישט־ײדישער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס פלעגט זיך אָפּגעבן מיט דעם, איז אַנטלאָפן פון שטאָט;

— אַז פון טויזנטער סאָוויעטישע טוריסטן אין אויסלאַנד, זענען די דריי נישט־צוריקגעקומענע געווען ײדן;

— אַז דאָרט ווו אַ ײד באַזעצט זיך, שאַפט ער באַלד אַ סינאַגאָגע;

— אַז ער האָט איינגעשטימט מיט סטאַלינען, אַז קרים — וואָס איז געווען אָן באַפעלקערונג ביים סוף פון דער אַנטי־היטלער מלחמה — זאָל נישט באַשטימט ווערן ווי אַ צענטער פאַר ײדישער קאָלאָניזאַציע, ווייל אין פאַל פון קריג, וואָלט דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קריגס־פּלאַץ קעגן סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

צום סוף האָט מיר כרושטשאָוו חבריש געעצהט זיך נישט צו לאָזן אָנזאָגטלען פון דער בורזשואַזיע און פון די ציוניסטן...

☆

מיר האָבן געבראַנגט די עטלעכע לענגערע ציטאַטעס פון כרושטשאָווס רייד כדי באַווייזן, אַז די לעצטע ווערטער זיינע פאַרן קאָרעספּאָנדענט פון דער פּאַריזער „פיגאַראָ”, זענען נישט

געוועזן קיין איינמאָליקער אויסברוך, נאָר דווקא אַ קאָנסעקווענטער אויסדרוק פון איינגעוואָרצל־טע פּאַראורטיילן, פאַלשע באַגריפן, שעדלעכע מיינונגען און פאַרקריפּלטע געדאַנקען. מיט זיינע לעצטע אויסדריקן, אַז „יידן האָבן ליב מסחר, ווילן נישט לעבן צווישן זיך, האָבן ליבערשט מלאכה און האַנדל איידער באַשעפטיקונג אין בוי, אינדוסטריע און מעטאַל"; זיינע בייסיקע פאַראורטיילונג־ווערטער אויפן דורכגעפאַלענעם עקספּערימענט פון בירא־בידזשאַן און דעם געלונגענעם פּרווו אויפצושטעלן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל — האָבן ווידער באַשטעטיקט די האַרבע דערשיינונגען אויפן פראָנט פון יידיש־סאָוויעטישע באַציונגען.

## די וואָס ווילן אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע

מיט אַ יאָר צוריק, בעתן אידעישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס אין דער קאָמ. פּאַרטיי פון די פאַר. שטאַטן, האָט זשאַק דיקלאָ, איינער פון די אָנערקענטע פראַנצויזישע קאָמוניסטן, געשריבן צו זיינע אַמעריקאַנער חברים: „אינטערנאַציאָנאַליזם מיינט סאָלידאַריטעט מיט דער אויסערן־פּאָליטיק פון ראַטן־פאַרבאַנד". מיט דער דאָזיקער פאָרמולע, האָט ער געוואָלט אויפצווינגען אויף די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן אַ דיסציפּלין, ווי אונדזערע פרומע מאַמעס פלעגן זיך באַמיען פאַרטרייבן אַ קראַנקייט מיטן אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע...

אוודאי לייגט זיך אויפן שכל, אַז די אינטערעסן פונעם אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם זאָלן זיין אידענטישע מיט דער סאָוויעטישער אויסערן־פּאָליטיק. אָבער פונקט אַזוי מוז די דאָזיקע אויסערן־פּאָליטיק, אין אַ נישט קלענערער מאָס, דינען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־שאַפט. אָט־אָ די פראַגע פון קעגנזייטיקייט און צוזאַמענהאַנג צווישן די צוויי דערשיינונגען, ווערט כמעט ווי שטענדיק פאַרגעסן...

אָט האָט כרושטשאָוו געטענהט פאַרן „פיגאַראָ"־קאָרעספּאָנדענט, אַז „דער ראַטנפאַרבאַנד קאָן זיך באַגיין אָן די ישראלדיקע מאַראַנצן". זיכער איז דאָס סאָוויעטישע פאָלק גרייט מוותר צו זיין פון אימפּאָרטירטע אָראַנזשן־פּרוכטן, פונקט ווי ס'האָט בשעתו מוותר געווען פון היימישער פּוטער און אַפילו פון ברויט צו דער זעט, זייענדיק גרייט אויף קרבנות צוליב הויכע מענטשלעכע אידעאַלן. און מיר קאָנען צוגעבן, אַז ערשט מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק האָט מען אויך אונדז געצוואונגען מוותר צו זיין פונעם סאָוויעטישן נעפט און איינגיין אויף האַרבע באַגרענעצונגען אין דער קאָמוניקאַציע, באַלייכטונג, עלעקטרישער ענערגיע און אינדוסטריע, צוליב אומיושרדיקן אָפּשטעלן די נאַפט־ליפערונגען פון סאָוויעט־רוסלאַנד. איז דאָס טאַקע דער וועג פון פאַרשטענדיקונג און קעגנזייטיקער אַכטונג צווישן פעלקער און לענדער?

יש אומרים, און נישט מיט אומרעכט, אַז אויך אונדזער רעגירונג האָט געגעבן איר צושטייער צו דער אָנגעצויגענער לאַגע. אָבער פאַרוואָסזשע אַזאַ שאַרפער קורס לגבי ישראל, בעת אַ גאַנצע ריי לענדער, באַזונדערס אַראַבישע און מוסולמענישע, וועלכע געהערן צו אַגרעסיווע, אַנטי־סאָוויעטישע פאָרמאַציעס, ווערן באַהאַנדלט דורך דער סאָוויעטישער דיפּלאָ־מאַטיע און פּראָפּאַגאַנדע מיט איידלקייט, העפלעכקייט און דער עיקר — שטענדיק פילט מען אַרויס די אויסגעשטרעקטע האַנט פון מאָסקווע. איז ריכטיק אַזאַ האַנדלונג? דאַרפן מיר זי אַקצעפּטירן?

סאָציאַליזם, פונקט ווי יושר און צדק, זענען אומצעטיילבאַר. זיי קאָנען נישט זיין בלויז אַן אַרטיקל פאַרן אינערלעכן געברויך, צי אויף עקספּאָרט פאַר באַשטימטע לענדער. מיר ווילן האָפן, אַז פריער צי שפּעטער וועט קאָנען פאַרווישט ווערן די שרייענדיקע סתירה צווישן ווערטער און מעשים, צווישן לאָזונגען און פּראַקטישער האַנדלונג.

(י"ש ת"א, 22.4.58)

# ווען־זשע וועט קומען די צייט?

דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פּרעמיער פון ראַטן־פאַרבאַנד, ניקיטאַ כרושטשאָוו, האָט ווידער געלאָזט הערן זיין וואָרט וועגן יידישע ענינים. דאָסמאָל — פאַר אַ גרופּע אַמעריקאַנער ביזנעס־לייט, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און פון אַנדערע פרייע פּראָפעסיעס, וועלכע האָבן מיט אַ יאָר צוריק געוויילט אין פסס״ר און געהאַט אַ געלעגנהייט צו שמועסן מיטן מנהיג פון איצטיקן רוסלאַנד.

הגם מיר ווייסן נאָך נישט די גענויע סיבה פונעם נישט־פאַרעפנטלעכן במשך אַ יאָר צייט — און גראָד אין ניו־יאָרק — דעם פאַרלויף פון דערמאָנטן געשפּרעך, איז אָבער קלאָר, אַז אויך אין דעם דאָזיקן פאַרעלטערטן אינטערוויו, האָט כרושטשאָוו, בדרך כלל, זיך באַנוצט מיט נאָך מער פאַרעלטערטע טענות, און בלויז אויף איין אָרט אריינגעבריינגט אַ נייעם טאָן, אַן אַנדייטונג אויף אַן עווענטועלער ענדערונג. טאַקע דאָס נייע אין דער דערקלערונג, צווינגט אונדז זיך אומצוקערן צו דער אַלטער טעמע און צו דעם פאַרעלטערטן אינטערוויו. מיר טאָרן נישט צו דעם זיך באַציען ווי צום „פאַראַיאָריקן שניי״...

לעצטנס האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז יעטוועדער אינטערוויו פאַר אויסלענדער, וועלכן עס באַוויליקט צו געבן נ. כרושטשאָוו, מוז זיך פאַרטשעפּן אין יידישע ענינים. ווער עס קומט נאָר אין קאָנטאַקט מיטן ראש פון דער סאָוויעטישער מדינה, געפינט פאַר נייטיק צו באַרירן די דאָזיקע „דעליקאַטע״ טעמע. צום שבח פון כרושטשאָוון דאַרף געזאָגט ווערן, אַז טראָץ דעם אומרואיקן געוויסן, וועלכן ער דאַרף האָבן אין דער פראַגע, דרייט ער זיך נישט אַרויס פון געבן ענטפערס. פאַרקערט — גאַנץ אָפנהאַרציק, אָן אַ דיפּלאָמאַטיש לשון, מיט בייסיקייט און איראָניע, באַגלייט מיט שטעכווערטלעך און אויסברוכן קעגן מדינת ישראל, ענטפערט ער אויף די געשטעלטע פראַגן און באַלייכט זיי לויט זיין אויפפאַסונג. און טאַקע צוליב דער דאָזיקער באַריידעוודיקייט, וואָלט זיך נישט איינמאָל געוואָלט דערמאָנען כרושטשאָוון דאָס ווערטל: „ריידן איז זילבער און שווייגן איז גאָלד״...

אין זיין לעצטן ענטפער וועגן יידישע פּראָבלעמען דער דערמאָנטער אַמעריקאַנער גרופּע, האָט זיך ביי כרושטשאָוון „אַרויסגעריסן״ אַ זאַץ, וואָס גיט אַ גרונט צו האָפן אויף אַן ענדערונג אין דער דאָזיקער אַזוי טראַגישער, פאַרפּלאָנטערטער פראַגע, — הגם אויך דאָסמאָל האָט דער סאָוויעטישער פּרעמיער נישט מחדש געווען פון זיין באַקאַנטן לעקסיקאָן: אַז דאָס אויסהאַלטן אַ יידיש טעאַטער אָדער יידישע שולן, וועט אים קאָסטן צו טייער; אַז די יידן ווילן זיך אַסימילירן; אַז יידן, וואָס פאָרן קיין אויסלאַנד, ווערן דורכן אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט אויסגענוצט פאַר נישט־אַנשטענדיקע צוועקן; אַז אים איז באַוווּסט, דאָס אַ סך יידן אין ישראל, וועלכע זענען דאָ אַהערגעקומען, לעקן נישט קיין האָניק; אַז ישראל ווענדעט אָן אַ פיינטלעכע שטעלונג לגבי מצרים; אַז די אַראַבער זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער ערד דורך ישראל; אַז אַלץ, וואָס ס׳איז געבליבן פון בירָאָבידזשאַן, זענען די יידיש־אויפשריפטן אויפן דאָרטיקן וואָקזאַל; אַז נאָר פונעם רצון און איניציאַטיוו פון די סאָוויעטישע יידן, איז אָפּהענגיק דאָס איינאָרדנען זייער נאַציאָנאַל לעבן, אין אַנדערע סאָוויעטישע רעפּובליקן, — און ענלעכע געדאַנקען, וועלכע דרינגען אַרויס פון פאַרשימלטע פאַרורטיילן, פאַלשע איינשטעלונגען און קאָמפּלעקסן פון אַנטי־יידישן כאַראַקטער.

ווי לאָגיש, קאָנסעקווענט און יושרדיק וואָלט געווען כרושטשאָוו, אַז נאָך אַזאַ „אַנאַליז״ איבער דער יידישער דאָליע אין ראַטן־פאַרבאַנד, זאָל ער דערגיין צו דער מסקנה, אַז אויב אַ סאָוויעטישער בירגער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט וויל זיך באַהעפטן מיט זיין פאָלק, טאָ פאַר וואָס אים נישט געבן די פרייע, לעגאַלע און אומגעשטערטע מעגלעכקייט דערצו? אויב דער סאָוויעטישער רעזשים האָט במשך פערציק יאָר רעוואָלוציע זיך נישט געקאָנט ספּראַווען

מיט די ספּעציפישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון דער יידישער מינדערהייט — צי איז דאָס געווען מיטן אויפריכטיקן שטרעבן צו לייזן קולטורעל און אויך טעריטאָריעל זייערע אָנגעווייטיקטע פּראָגן, אָדער אין אַ שפּעטערער תקופה, דורך האַקן קעפּ פון די יידישע שרייבער און קולטור־טוער — טאָ פאַרוואָס נישט דערגיין צו דער מסקנה, אַז פרייע, אומגעשטערטע עליה פון איין זייט — און באַנייען דאָס דאָרטיקע יידיש־קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער צווייטער זייט, קאָנען אַרויספירן די סאָוויעטישע פּאָליטיק פון דעם טראַגישן פלאָנטער אין וועלכן זי אַליין האָט זיך פאַרפּלאָנטערט?

כרושטשאָוו דאַרף פאַרשטיין, אַז די יידישע שילדן אין ביראָבידזשאַן זענען נישט נאָר אַ פאַרבליבענער רעקוויזיט פון אַן אַדורכגעפאַלענעם פּרווו אויפצושטעלן אַ טעריטאָריעלן יידישן צענטער, נאָר אייגנטלעך איז דאָס אַ באַשיינפּערלעכע מצבה איבער דער גאַנצער אויפפאַסונג פון די קאָמוניסטישע אויטאָריטעטן בנוגע דער יידן־פּראַגע.

און דאָך, אויב משפּטן לויט די געציילטע ווערטער פון כרושטשאָווס פאַרעפנטלעכטער דערקלערונג, ווילן מיר גלויבן, אַז עפּעס אַן ענדערונג איז יאָ פאַרגעקומען.

„איך בין זיכער, אַז ס'וועט קומען די צייט, ווען אַלע יידן אָדער רוסן, וועלכע ווילן פאָרן קיין ישראל, וועלן דאָס קאָנען טאָן".

דאָס זאָגט שוין עפּעס, בפרט נאָך, אַז כרושטשאָוו באַהאַלט נישט אויס פאַר זיינע אַמעריקאַנער מיטשמועסער, אַז אים איז באַוווסט דאָס די יידן, וואָס האָבן לעצטנס אַדורכגעמאַכט די רעפּאַטריאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פּוילן, האָבן ממשיך געווען זייער וועג קיין ישראל.

אויב די סאָוויעטישע אָנפירונג אָנערקענט דעם פאַקט אַז יידן שטרעבן עולה צו זיין, אַפילו דורכן אומבאַשטימטן ריידן „אַז ס'וועט קומען די צייט" — איז דאָס אַ גוטער סימן. אָבער מיר וואָלטן געוואָלט, אַז די דאָזיקע צייט זאָל קומען וואָס פריער. און פּונקט ווי מיר וועלן זיך פרייען מיט אָפענע סאָוויעטישע טויערן פאַר פרייער עליה, אַזוי וועט וואָרשיינלעך נישט קלענער זיין די פרייד אין מאָסקווע. די לאַגע פון דער יידישער מינדערהייט אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרשאַפט דאָרט קאָפּווייטיק און אַ שטענדיק באַדערפעניש זיך צו פאַרענטפערן און אויפצוקלערן פאַר די פאַרשידענע אויסלענדישע דעלעגאַציעס.

ווייל נישט מיטן אָננעמען זיך די כלומרשטע קריוודע פון די אַראַבער; נישט מיטן דעמאָנסטרירן פריינדשאַפט כלפּי נאַצערן און אַוודאי און אַוודאי נישט מיט פאַרשימלטע באַגריפן וועגן לייזן די יידן־פּראַגע — וועט זי געלייזט ווערן. די ברירה, ענטפער און פאַרענטפער אויף דעם איז:

אומגעשטערטע עליה פון סאָוויעטישן יידנטום קיין ישראל;

באַנייונג פון יידיש־קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא.

צוויי באַשיידענע, נאָר פאַר אונדז אַנטשיידנדיקע פאָדערונגען, אויף וועלכע כרושטשאָוו דאַרף געבן אַ באַלדיקן, פּאָזיטיוון ענטפער.

נאָר ווען? (י"ש ת"א, 12.6.58)

# דאָס זענען נישט בלויז אינערלעכע עניינים

„דאָס יסודותדיקע פּראָבלעם אין לבנון איז אַן ענין פון אינערלעכע מיינונגס־פאַרשידנהייטן" — האָט דערקלערט אין ניו־יאָרק דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אונ"אָ, נאָכן צוריקקערן זיך פון זיין לעצטן באַזוך אויפן נאָענטן מזרח.

— „דאָס אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער נאַדזשן און זיינע חברים איז פאַרגעקומען

אין די ראַמען פון רייגע, אינערלעכע אנגעלעגנהייטן פון אונגאַרן" — האָט געלאָזט הערן זיין מיינונג וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ אויף אַן אַרויסטרעטונג לעצטן שבת אין גדאַנסק.

די איבנדערמאָנטע דערקלערונגען פון די צוויי פּערזענלעכקייטן, מוזן ביי יעדן ערלעכן מענטש אַרויסרופן שטוינונג און פּאַרדרוס. אין דעם פאַל אינטערעסירט אונדז נישט דער פּאָליטישער אַספּעקט פון לבנונער געראַנגל און פון דער טראַגישער פּרשה נאַדזש. פאַר אונדז זענען איצט די אַרויסטרעטונגען פון אונ"אָ־סעקרעטאַר און פון ערשטן סעקרעטאַר פון פּ.ז.פּ.ר. וויכטיק פון הומאַניטאַרן און געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. ווייל, אויב זייערע רייד מכוון „אינערלעכע געשעענישן" דאַרפן דינען אַלס פּרעצעדענס אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען צווישן פעלקער און לענדער, מיינט דאָס פאַרמאַכן דאָס מויל דער עפנטלעכער מיינונג פון יענער זייט גרענעץ און אויך ביי זיך אינדערהיים; פּאַרווערן, אָדער זיך נישט רעכענען מיט רעאַגירונגען פון דער פרייער פּרעסע, האָבן פאַרשטאָפּטע אויערן און פאַר־מאַכטע אויגן כלפּי פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען און אַקציעס קעגן ווילקיר, אומרעכט, דיסקרימי־נאַציעס און עוולות. אַזאַ גלאַטיקער זאָג וועגן „אינערלעכע ענינים" מיינט הערמעטיש־פאַרמאַכן די גרענעץ קעגן רעאַגירן אויף דערשיינונגען, וואָס טרייסלען אויף דאָס געוויסן פון מענטש, וואָס וויל אויסשרייען זיין פּראָטעסט קעגן רציחה, נויט און גזילה.

זענען טאַקע די צוויי פּראָבלעמען לבנון און נאַדזש — בלויז אינערלעכע?

ווי באַוווסט, האָט די מרידה אין לבנון אַרויסגערופן באַרעכטיקטן חשד, אַז זי קאָן זיך שנעל פאַרוואַנדלען אין אַ אינטערנאַציאָנאַלן קאָנפליקט, אַפילו אין אַ וועלט־מלחמה. דערפאַר האָט גוט געטאָן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אונ"אָ, וואָס איז אויף שנעל געקומען קיין לבנון, כדי אויפן אָרט זיך באַקענען מיט די ענינים.

אָבער האַמערשעלד האָט אויסגעצייכנט געוווסט, אַז נישט נאָר לבנונער כוחות זענען אַריינגעמישט אין דעם קאָנפליקט. ער, אפשר מער ווי יעדער איינער, האָט געהאַט אַ גענוי בילד וואָס טוט זיך אָפּ אַרום לבנון: דער אַמעריקאַנער זעקסטער פלאָט האָט זיך אַ רוק געגעבן נענטער צו די ברעגעס פון דעם לאַנד; ענגלענדער האָבן געשיקט קיין קפריסין פאַראַשוטיסטן־איינהייטן, מיט דער בפירושער כוונה זיי אַריבערצוואַרפן קיין לבנון, „ווען ס'וועט קומען דער מאָמענט"; מאָסקווע האָט געגעבן אַנצוגעהערן וועגן „פרייוויליקע"; צענדליקער אונ"אָ־אָבסערוואַטאָרן פון פאַרשידענע לענדער זענען געשיקט געוואָרן אויף דער גרענעץ מיט סיריע; ס'זענען פאַרהאַלטן געוואָרן פיל געווער־שמוגלער פון סיריע (אויך אויף דער ישראלדיקער טעריטאָריע) און די פּראָפּאַגאַנדע־מלחמה צווישן די צוויי אַראַבישע מדינות איז געפירט געוואָרן מיטן פולן ברען. מיט איין וואָרט — אַרום לבנון האָט זיך געקאָכט פיל מערער, איידער אינערהאַלב איר.

דאַג האַמערשעלד האָט אַוודאי געמיינט צו זאָגן, דאָס אויב אַנטוויקלונגען אין אַ געוויסער מדינה טראָגן אַן אינערלעכן כאַראַקטער, טאָרן זיך נישט אַריינמישן קיין אויסערלעכע כוחות. אָבער דאָס קאָן ער דערגרייכן, ווען די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער מיט איר גענעראַל־סעקרעטאַר בראש, וואָלטן געהאַט גענוג מאָראַלישן כוח און אויטאָריטעט אויפ־צופאָדערן נאַצערן ער זאָל אָפּשטעלן די אַריינמישונג; צו פאַרלאַנגען פון אַמעריקע זי זאָל צוריקציען איר פלאָט; זאָגן גרויסבריטאַניע זי זאָל צוריקשיקן אירע פאַראַשוטיסטן פונוואַנען זיי זענען געקומען; און ס'וואָלט שוין גאָרנישט געשאַדט קיין פריינטלעכע עצה קאַמיל שאַמון, דעם לבנונער פּרעזידענט, ער זאָל באַצייטנס דעמיסיאָנירן... נאָר אַזוי ווי דאָס אַלץ איז נישט אין זיין כוח און קאָמפּעטענץ צו רעאַליזירן, האָט ער, דער מייסטער פון דער דיפּלאָמאַטישער פאָרמולע, געפונען אַ באַצייכענונג: אינערלעכע ענינים.

☆

עפּעס ענלעכס טראָגט זיך פון גאָמולקאַס אַרויסטריט אין גדאַנסק.

לאַנגע טעג נאָכן אומברענגען אין בודאַפּעשט נאַדזשן און זיינע חברים, האָט דער אַרבעטער־מנהיג אין פּוילן געשוויגן. און וואָס מערער זיין שווייגן, אַלץ שרייענדיקער דער טומל אַרום גאָמולקאַס כלומרשטער שאַרפער רעאַגירונג און אָפּגרענעצונג פונעם פּסק־דין אין בודאַפּעשט — ביז זיין לעצטן עפנטלעכן אַרויסטריט, ווו ער האָט קלאָר און אומצווייידייטיק קוואַליפיצירט דעם פּראָצעס און טויט־אורטיילן אין אונגאַרן ווי ריין „אינערלעכע ענינים". וואָלטן מיר נאָך אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטאַנען אַזאַ מין איינשטעלונג, אָבער אומגייטיק איז די גאַנצע פּרשה צונויפגעמישט געוואָרן מיט... אַן אומגעריכטן אָנגריף אויף יוגאָסלאַוויע, מיט וועלכער פּסס"ר שטייט איצט אין אַ פאַרביטערטער, אידעאָלאָגישער מחלוקת. ביי אונדזער גרעסטן רעספּעקט פאַר וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ, ביי אונדזער פאַרשטיין זיין דעליקאַטע לאַגע צוליב פּוילנס געאָגראַפישער נאָענטקייט און השפּעה פון מאָסקווע ווי אויך צוליב אידעאָלאָגישע טעמים — קאָנען מיר נישט אָננעמען זיין שטאַנדפּונקט, אַז די פּרשה נאַדזש איז אַ אינערלעך־אונגאַרישע. אַזעלכע מענטשן ווי גאָמולקאַ, טאָרן נישט דערשיינען מיט איינשטעלונגען, וואָס קאָנען פאַרטייטשט ווערן אַלס דאָפּלטע מאָראַל — איינע כלפּי פּנים, די צווייטע — כלפּי חוץ. די פראַגע פון אַרויסברענגען קריטישע מיינונגען, אַפילו ביז פּראָטעסטן, אויפן אַדרעס פון רעגירונגען צי מיניסטאָרן — דאַרף זיין באַזירט אויף פולשטענדיקער קעגנזייטיקייט. מיט אַנדערע ווערטער: אויב די סאָציאַליסטישע, פּראָגרעסיווע און הומאַניסטישע וועלט קאָן שטורעמען צוליב אַ יוסטיץ־מאָרד איבער יוליוס און עטל ראָזענבערג אין די פּאַר. שטאַטן; אויב זי קאָן פאָדערן באַגנעדיקונג פאַר די פרייהייט־קעמפער פון אַלזשיר, מאַלאַיאַ און קפריסין — מעג מען אויך לאָזן הערן די שטים פון פּראָטעסט קעגן רעזשיסירטע פּראָצעסן, אויסגע־פּרעסטע ווידויים און אוודאי קעגן לעצטן משפט איבער נאַדזשן און זיינע חברים.

אין דער היינטיקער וועלט פון דזשעט־עראָפּלאַנען, ספּוטניקעס, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, האָט דער באַגריף „אינערלעכקייט" פאַרלוירן פון זיין וואָג און אינהאַלט. דערפאַר איז אָבער נישט פאַרמינערט געוואָרן אויף אַ האָר די יושרדיקע פאָדערונג, אַז יעטוועדער מענטש מיט געוויסן, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, זאָל חלילה מוזן רעזיגנירן פון פרייען, אומגעשטערטן אַרויסברענגען זיינע מיינונגען איבער געשעענישן און אַנטוויקלונגען ביי פעלקער און לענדער. אויב גדאַנסק וועט קריטיקירן ניו־יאָרק און אַן איינוווינער פון תל־אביב וועט דרייען מיטן נאָז אויף געוויסע איינשטעלונגען פון מאָסקווע בנוגע מדינת ישראל — מיינט דאָס נישט — געמישט זיך אין די אינערלעכע ענינים, ווי אַ כלומרשט אריינרייסן זיך מיט כוח אין אַן אָפּגעשלאָסענעם שטח. אין אונדזער צייט נעמען אַרטיקע געשעענישן אָן דעם פאָרנעם פון אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס, ווי מען זאָל זיי נישט וועלן לאָקאַליזירן און אַרומשטעלן מיט גרענעצן.

דערפאַר וואַרפן מיר אָפּ די מיינונגען פון האַמערשעלדן און פון גאָמולקאַן: די געשעענישן אין לבנון און די פּרשה נאַדזש — זענען נישט בלויז אינערלעכע ענינים פון אונגאַרן און לבנון. זיי זענען נוגע אונדז אַלעמען. (י"ש ת"א, 3.7.58)

# צום 41סטן יאָרטאָג פון אָקטאָבער

די גרויסקייט פון אָקטאָבער גייט נישט צו מעסטן בלויז מיטן ריזיקן שטח, ווו ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט די היסטאָרישע דראַמע, און אויך נישט מיט די מיליאָנען באַטייליקטע אַרבעטער און פּויערים, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער נייער אָרדענונג. וויכטיק איז דער אינהאַלט און באַטייט פון אָקטאָבער: אַ בעסערע, שענערע און אידעאַלע געזעלשאַפט, ווו איין מענטש זאָל נישט עקספּלאָאַטירט ווערן דורכן צווייטן און די רייכטימער פון דער מלוכה זאָלן נישט

צערויבט ווערן דורך אַ קליין הייפל קאַפּיטאַליסטן און גוטבאַזיצער, נאָר ווערן דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק — אין פּאָליטישן ווי אין עקאָנאָמישן זין; אַז צדק און יושר, דעמאָקראַטיע און פרייהייט זאָלן זיין דער סימן־מובהק פון נייעם רעזשים.

ליידער, האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז די עצם אידעע פון אָקטאָבער און איר אַדורכפירונג, האָט מען אין די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן מעסטן מיט דערשיינונגען פון דעגענעראַציע, פאַרדארבונג און פאַרקריפּלונג, וואָס האָבן געהאַט זייער נישט־בכבודיקן פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונג פון דער גרעסטער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש.

לויטן איינגעפירטן סדר, וועט אין „באָלשוי"־טעאַטער אין מאָסקווע פאָרקומען די פייערלעכע אַקאַדעמיע, אין וועמענס צענטער עס וועט שטיין דער פּאָליטישער רעפעראַט פון אַן אָנפירנדיקער פערזענלעכקייט. דאָרט ווו דער רעדנער וועט דערמאָנען די גרויסקייט פון ראַטן־פאַרבאַנד, זיין מיליטערישן פּאָטענציאַל, טעכניש־וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, קולטור־דערציערישע אויפטוען, דעם וווקס פון לעבנס־ניוואָ פון דער באַפעלקערונג און דעם אָנזען פון לאַנד אין דער וועלט און צווישן פעלקער אַלס דעצידירנדיקע גרויסמאַכט — וועט נישט זיין קיין באַרימעריי, צי אָפּנאַרעריי. זעלטן ווען אַ מדינה אין דער וועלט זאָל קאָנען קומען מיט אַזעלכע פּאָזיטיווע און אויפטוערישע סך־הכלען אין משך פון אַ יאָר מיט פערציק, ווי עס טוט איצט מיט שטאָלץ דער ראַטן־פאַרבאַנד. און צומאַרגנס, ווידער לויטן איינגעפירטן סדר, וועט מן־הסתמא פאָרקומען אַ מיליטערישער פּאַראַד און באַשטעטיקן די אמתדיקייט פון די רייד אויף דער אַקאַדעמיע אין „באָלשוי". און אַלץ וואָס די אויגן וועלן זען אויף די מאָסקווער גאַסן — די טאַנקן, האַרמאַטן, עראָפּלאַנען צי מאָדלען פון „ספּוטניקס" — זענען אַ פּראָדוקט פון דעם מוח און הענט פון סאָוויעטישן מענטשן, אַ דעמאָנסטראַציע פון זיין כוח און מאַכט.

דער דאָזיקער כוח האָט דערפירט דערצו, אַז די פאָן פון נצחון איז אַרויפגעצויגן געוואָרן מיט 13 יאָר צוריק אויף דער רייכסטאַג־געביידע אין בערלין, מיטן צעגראָמירן די היטלער־ריסטישע חילות דורך דער רויטער אַרמיי און די אַליאַנטן.

דאָס איז נישט נאָר שטאָלץ, נאָר אויך די אומאָפּפרעגלעכע דערגרייכונג פון די 41 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

נאָר מאָדנע. אויך מיטן לאַנד פון אָקטאָבער איז געשען אַן ענלעכע אַנטוויקלונג ווי אין דעם רוב לענדער, וואָס האָבן צו פאַרצייכענען קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען. די ריזיקע, ממש פאַנטאַסטישע דערפאָלגן אויפן געביט פון טעכניק, מעכאַניזאַציע, פּרעציזע דערפינדונגען, ביזן דערגרייכן דעם חלל און שיער נישט די לבנה — האָבן ווייט איבערגעשטיגן די אַנטוויקלונג פון דער מאָראַל, עטיק, יושר־געפילן און דעמאָקראַטיע. די דיספּראָפּאָרץ צווישן דער הויך־אַנטוויקלטער טעכניק און דער צוריקגעשטאַנענער דעמאָקראַטיע, האָבן געגעבן זייער באַזאָרגעוודיקע סימנים — נישט דווקא לויט די תרי"ג מצוות פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אמת, געווען אויך אַנדערע פאַקטאָרן, אויסערלעכע ווי אינערלעכע, וואָס האָבן אויפגעצוווּנגען אַ האַרבן רעזשים כלפּי פּנים און פאַרביילטע פויסטן כלפּי חוץ. אָבער דאָס איז אפשר געווען באַרעכטיקט אין די ערשטע 10־15 יאָר אָקטאָבער, אין באַדינגונגען פון פיינטלעכער אַרומרינג־לונג, דראָונגען פון דרויסן און געפאַרן אינעווייניק. די פּרווון פון איזאָלירן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן אַרויסגערופן סיי פאַרזיכטיקייט, סיי קעגנמיטלען. נאָר די דראַקאָנישקייט, אָפּטקייט און אַפילו מאַסנהאַפטיקייט, דערוועקן שטוינונג, פאַרדרוס און ציטער, הלמאי פאַר־שוועכט מען דעם ציל פון אָקטאָבער דורך דיקטאַטור איבערן פּראָלעטאַריאַט, אַנשטאָט דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

דעם דאָזיקן ביטערן אמת האָט באַשטעטיקט כרושטשאָוו בכבודו ובעצמו אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. און אויב דאָס געפיל פון שולד

לגבי די אָפּגעטוענע פאַרברעכנס פון דער סטאַלין־הערשאַפט פון איין זייט און די זעלבסטזי־כערקייט אין אייגענעם כוח און גערעכטיקייט פון דער צווייטער זייט, זענען עס געווען דער לייט־מאָטיוו פאַר כרושטשאָווס אַנטפּלעקונגען — טאָ צו וואָס די זיגזאַגן, דאָס צוריקקערן זיך צום אַלטן?

גראָד די אויסגעוואַקסענע קראַפט פון דער סאָוויעטישער מלוכה, האָט באַדאַרפט האָבן פולשטענדיקע דעקונג אין דער דעמאָקראַטיזאַציע און ליבעראַליזאַציע אינעווייניק, ווי מילדערונג כלפּי חוץ. אָבער דריי כאַראַקטעריסטישע געשעענישן אין דער לעצטער צייט, האָבן באַוויזן, אַז ס'איז שווער איבערצורייסן מיטן אַלטן, און אַז מיט געוויסע ניואַנסן, שפּאַנט מען נאָך אַלץ אויפן פריערדיקן וועג. די דריי געשעענישן זענען:

די באַציִונג צו מדינת ישראל און צו דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין ראַטן־פאַרבאַנד;

די באַנייטע אַטאַקע קעגן יוגאָסלאַוויע;

דער ענין פּאַסטערנאַק.

☆

שווער צו זאָגן, אַז אויפן א. ג. „יידישן פראָנט" אין פסס"ר זאָל נישט האָבן פּאַרגעקומען קיין נייעס. אדרבה, דער דרוק פון אויסלאַנד, דאָס אַוועקגיין פון אַנגעזועענע קאָמוניסטן מיט אַ וועלט־נאָמען, דער עיקר צוליב דער אומגליקלעכער יידישער פּאָליטיק פון דעם ראַטן־פאַרבאַנד, די אויסגעוואַקסענע נאַציאָנאַלע דערוואַכונג ביים סאָוויעטישן יידנטום — האָבן געבוירן אַ מאָדנע, אייגנאַרטיקע „לייזונג" מצד מאָסקווע: אויפשטעלן אַ „ייד־ביוראָ", וואָס זאָל דורך פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלער־מאַטעריאַל באַווייזן די כלומרשטע גלייכבאַרעכטיקונג און ווילזיין פון סאָוויעטישן יידנטום. אַלזאָ — נישט צוריקשטעלן קיין נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, נישט קיין טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע, פון וועלכע עס געניסן אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן דאָרטן; נישט די באַנייונג פון אַ יידישער שול, צייטונג, בוך, טעאַטער — שוין אָפּגערעדט פון געבן פרייהייט פון עליה — נאָר רעזאָלוציעס און אינפאָרמאַציעס פון דער אויבנדערמאָנטער ביוראָ, אָדער רכילותדיקע און דעמאַגאָגישע אַרטיקלען פון „טוריסטן", ווי פלאָטקין, צי „בריוו אין רעדאַקציע" פון אַנטוישטע עולים, וואָס דאַרפן פאַרפולן דעם „יידישן (לייען — אנטי־יידישן) פראָנט" אין ראַטן־פאַרבאַנד. אויב מ'זאָל צו דעם צוגעבן די אַנטי־ישראלדיקע און פּראָ־נאַצערישע פּאָליטיק פון דער סאָוויעטישער רעגירונג, פון אירע פאַרשטייער אין אונ"אָ, פון איר פּרעסע און ראַדיאָ — וועט זיך באַקומען אַ טרויעריק בילד פון פאַרלייקע־נונג און איגנאָראַנץ נאָר כלפּי אונדזער פאָלק.

אָט ליגט פאַר אונדז די מאָסקווער „פּראַוודא" פון 19־טן אָקטאָבער 1958, ווו אויף דער גאַנצער ערשטער זייט זענען אויסגערעכנט די 94 לאָזונגען צום 41סטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די לאָזונגען, געחתמעטע דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, פאַרנעמען זיך, דער עיקר, מיט אינערלעכע ענינים, אָבער אַ גאַנץ בכבודיקער פּלאַץ ווערט אָפּגעגעבן אַנדערע פעלקער. אַזוי שרייט איין לאָזונג: „זאָל זיך שטאַרקן די פריינטשאַפט צווישן דעם סאָוויעטישן און דייטשישן פאָלק!", „אַ הייסן סאַלוט דעם אינדישן פאָלק", „וואַרעמע באַגריסונגען די פעלקער פון נאָענטן מזרח" (איראַק, מצרים, ירדן, לבנון און אַנדערע). פאַראַן דאָרט אויך איטאַליע און דרום־אַפריקע, צייילאָן און בורמא — און ווער נישט?! בלויז דער נאָמען פון איין פאָלק און פון איין מדינה איז אָפּגעמעקט געוואָרן: מדינת ישראל און דאָס יידישע פאָלק. מיר עקזיסטירן נישט. און אויב יאָ — נאָר ווי אַ געצייג פון אימפּעריאַליזם, אַ נעסט פון מלחמה־פּראָוואָקאַציעס, דער צווייטער צינד־פּונקט אין דער וועלט, נאָך טשאַן קיי־שעקן...

דער זעלבער אַנדריי גראָמיקאָ, וואָס האָט מיט 11 יאָר צוריק געלאָזט הערן זיין באַרימטע דעקלאַראַציע אין אונ״אָ וועגן די רעכט פון אונדזער פאָלק אויף אַן אייגענער מלוכה אין ארץ־ישראל — איז פאַר דער צייט געשטיגן אין זיין קאַריערע, פאַרנעמענדיק היינט דעם אַמט פון אויסערן־מיניסטער. נאָר די אידייען, וועלכע ער האָט געפּרעדיקט אין דרייסיקסטן יאָרטאָג פון אָקטאָבער, האָבן זיך אַ קייקל געטאָן באַרג אַראָפּ. נישט קיין צוריקער צום יאָר 1947, — נאָר אַ כסדרדיק אַנטלויפן פון יענער דאַטע.

דערפאַר אָבער האָט מען בנוגע יוגאָסלאַוויע זיך צוריקגעקערט צום 48סטן יאָר. דאָ האָט מען איבערגעחזרט יענע האַרבע תקופה, ווען טיטאָ איז פאַרטריבן געוואָרן פון קאָמינפאָרם, מיט אַלע באַגלייט־דערשיינונגען פון העצע און בילבולים פאַר וואַגן גיין מיטן אייגענעם, יוגאָסלאַווישן וועג צום סאָציאַליזם.

די פרשה יוגאָסלאַוויע פון יאָר 1958 האָט אפשר מערער ווי די „יידנפראַגע״, אויסגעריסן מיטן וואָרצל סיי מאַאָ טסע־טונגס באַרימטע כינעזישע „הונדערט בלומען״, סיי כרושטשאָווס איינשטעלונגען אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס. זאָל די אַרגומענטאַציע פאַר אַזאַ האַנדלונג זיין ווי זי איז; זאָל מען געפינען טויזנטער פאַרענטפערס און תירוצים פאַר דעם באַנייטן אַנגריף קעגן בעלגראַד; זאָל מען סטעמפּלען טיטאָן פאַר אַן אָפּנויגלער, רעוויזיאָניסט צי פאַרעטער — בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז אַנשטאָט דע־סטאַליניזאַציע, האָבן מיר אַ העפטיקע רע־סטאַליניזאַציע.

ווי אויסערלעך — אַזוי אינערלעך. דער איינשטימיקער באַשלוס פון 800 מאָסקווער שרייבער קעגן פאַסטערנאַקן, צוליבן פרעמירן אים דורך דער שוועדישער אַקאַדעמיע מיטן נאָבעל־פּרייז פאַרן בוך „ד״ר זשיוואַגאָ״; די העצע אין דער פרעסע, ראַדיאָ און אויף קאָנפערענצן קעגן איינעם פון די גרויסע סאָוויעטישע פּאָעטן און פּראָזאַיקער, ביים גלייכצייטיקן נישט געבן די מעגלעכקייט וועמען אַרויסצוטרעטן אין זיין שוץ, האָט באַוויזן, ווי ווייט דער ראַטן־פאַרבאַנד האַלט זיך פאַרפאַנצערט און פאַרגליווערט מיט פאַלשע איינשטעלונגען און באַגריפן בנוגע פרייהייט פון שאַפן און פרייהייט פון געוויסן.

דער צאָרן פון די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען קעגן באָריס פאַסטערנאַק איז דערפאַר, ווייל זיין „ד״ר זשיוואַגאָ״ אַנטהאַלט אויך נעגאַטיווע שילדערונגען פון סאָוויעטישן לעבנס־שטייגער. נאָר וואָס קאָן מען טאָן, אויב דאָס דאָזיקע נעגאַטיווע מיינט גלייכצייטיק דאָס אָביעקטיווע? צי שוין־זשע טאַקע פאַר דעם אָביעקטיוון, אַפילו ווען דאָס קומט צום אויסדרוק בלויז אין אַ בוך, האָבן מורא די מנהיגים פון דער גרויסער מדינה, וואָס האַלט זיך פאַרן פאַרווירקלעכער פון דער אָקטאָבער־אידעע?

☆

ווי פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס ווילן זען זיין וווּקס און אויפשטייג, זענען מיר ביי דער מיינונג, אַז אַזעלכע פרשה׳ס ווי ישראל, יוגאָסלאַוויע, פאַסטערנאַק, זענען עלול בלויז אָפּצוהאַלטן זיין אַנטוויקלונג. דאָס וואָס מען פאָדערט פון קאַפּיטאַליסטישע, דיקטאַטאָרישע צי האַלב־דיקטאַטאָרישע רעזשימען, דאַרף אפשר מיט מער אייפער אַרויסגערוקט ווערן כלפּי דעם ראַטן־פאַרבאַנד, ווינציקסטנס — דורך זיינע אויפריכטיקע אָנהענגער. טאַקע דערפאַר ווייל איר סעריע לאָזונגען צום 41־טן יאָרטאָג פון אָקטאָבער, פאַרענדיקט זי מיטן „זאָל לעבן דער קאָמוניזם — די ליכטיקע צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט!״

אויב דער קאָמוניזם דאַרף זיין די ליכטיקע צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט — אין וואָס מיר צווייפלען נישט — קאָן מען דעם דאָזיקן פּראָצעס צואיילן דורך מערער דע־מאָקראַטיזירן דאָס אינערלעכע לעבן דאָרט, דורך ליבעראַליזירן די אויסערן־פּאָליטיק אירע און אחרון אחרון — אויפהערן אַנצווענדן צוויי מאָסן לגבי פעלקער און לענדער.

(6.11.58 ,י״ש ת״א)

# צוויי מאָסן

דאָס איז געשען פאַראַיאָרן פורים.

אויף די גאַסן פון ירושלים האָט זיך געצויגן דער פרייילעכער צוג פון דער עדלידע — דער טראַדיציאָנעלער פורים־קאַרנאַוואַל אין ישראל. קינד־און־קייט האָבן מיט נייגיר און שמחה זיך צוגעקוקט צו די שיינע און העכסט אָריגינעלע געמעלן, פיגורן און לאַלקעס פון מגילת־אסתר. נאָר דעם סאַמע שטאַרקסטן איינדרוק האָבן אַרויסגערופן די צוויי מאַריאָנעטקעס — אין נאַטירלעכער גרייס — פון דוד בן־גוריון און אבדול אַ־נאַצער. ביידע מלוכה־מענער זענען זיך געשטאַנען אויפן אויטאָ, בעת אַן אומזעבאַרע, נאָר געניטע האַנט האָט אַזוי רעגולירט זייערע באַוועגונגען, אַז רק זיי האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט, געוווען נאָענט איינער צום אַנדערן — ווי די בעסטע גוטע ברידער...

אַזוי האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע און פאָלקס־חכמה, אין סאַמע הארבסטן פּעריאָד פון די מצריש־ישראלדיקע באַציונגען, צונויפגעבראַנגט אויף איין אָרט, אין סאַמע האַרץ פון ירושלים, אונדזער פּרעמיער און זייער פּרעזידענט, כדי באַווייזן, אַז עס קאָן אויך זיין אַנדערש; אַז אפילו די צוויי ווערן זיך נאָך אַמאָל אַרומנעמען און לעבן בשלום — צו דער אויפריכטיקער פרייד פון די צענטליקער טויזנטער צושויער אויף די גאַסן פון דער הויפּט־שטאָט און די הונדערטער טויזנטער קינאָ־באַזוכער, וואָס האָבן געהאַט אַ הנאה און שטאַרק אַפּלאָדירט, זעענדיק די בן־גוריון—נאַצערישע אידיללע, וואָס איז אויך געוויזן געוואָרן אין דער פילם־כראָניק.

דאָס פאָלק האָט אין די צוויי לאַלקעס פון די מלוכה־מענער געוואָלט זען אַ האָפענונג, אַן אָנדייטונג, אַז דאָס קאָן זיין מעגלעך, אפילו אין אונדזערע משוגענע טעג.

נאָר עפּעס אַנדערש — מק״י. נישט אין פורים, נאָר אין אַן ערב ראש־השנה, האָבן זיי צוזאַמענגעפּירט ביידע מלוכה־מענער אין איין נומער פון זייער צייטונג, כדי אויפווייזן, אַז מען קאָן אויך גראָבן תהומען און דערוווייטערן די אויסזיכטן פון יענער פורימדיקער אידיליע...

אין איינעם פון די לעצטע נומערן „פריי ישראל״, האָט זייערס אַ לייענערס אַפּגעדרוקט אַ בריוו אין רעדאַקציע אונטער דעם פּילזאַגנדיקן קעפּל: נאַצער, נאַציזם און בן־גוריון. שרייבט דער דאָזיקער בן־רפאל אַזוי:

...נאַצער איז דער שטאַטסמאַן, וואָס האָט געלערנט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה וויפל דער קריג האָט אָפּגעקאָסט די מענטשהייט. נאַצער פילט אויס אין מיטעלן מזרח דאָס וואָס עס פילט אויס נערו אין אינדיע און ד״ר סאַקאַרנאָ אין אינדאָנעזיע. איז דאָך קיין ווונדער, וואָס די פּאָליטיק פון נאַצערן האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט דעם גרויסן שלום־בלאָק בכלל און מיטן ראַטן־פאַרבאַנד בפרט, און ער געניסט פון זיי, מיט רעכט, שטיצע און הילף.

נאָך אַזאַ אידעאַליזירן נאַצערן און אים פאַרשטעלן ווי אַן אומשולדיק שעפעלע, איז שוין קלאָר, ווער זענען די וועלף. און בן־רפאל רופט זיי אַן ביים נאָמען:

„...און דאָס איז די סיבה, פאַר וואָס די אימפּעריאַליסטן, וועלכע ווילן אויספּילן, הגם מיט אַנדערע ניואַנסן און עפעקטן דאָס וואָס היטלער האָט נישט באַוויזן — צעברעכן דעם ראַטן־פאַרבאַנד — זענען בייז אויף נאַצערן און זיי זוכן אַלע מיטלען, כדי אים צו דערשטיקן. און דאָ איז געקומען די יידישע רעאַקציע מיט בן־גוריון בראש״.

אייגנטלעך, קאָנען טענהן די רעדאַקטאָרן פון „פריי ישראל״, אַז פאַרן אינהאַלט פון אַזעלכע בריוו טראָגן זיי נישט די אחריות. יעדער איינער קאָן שרייבן וואָס אים געפעלט. וואָלט איך גרייט געווען אָנצונעמען דעם דאָזיקן פוילן תירוץ, ווען אין דער זעלבער צייטונג זאָל נישט זיין אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל (אָדער רעדע) פון מאיר ווילנער, וועלכער חזרט איבער די

זעלבע פראָ־נאַצערישע און אַנטי־בן־גוריונישע פילאָזאָפיעס ווי יענער ברייושרייבער. מ. ווילנער זאָגט, אַז

„איצט איז נישט די צייט פאַר האַלבע שטעלונגען, נאָר פאַר אַ קלאָרער און אומצווייידייטיקער שטעלונג: קעגן אימפעריאַליזם, אָדער מיטן אימפעריאַליזם קעגן דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. ...די באַוועגונג פון דער אַנטי־אימפעריאַליסטישער נאַציאָנאַלער אייניקייט פון די אַראַבישע פעלקער — איז נישט קיין עקספּאַנסיע־באַוועגונג פון דעם מצרישן הערשער".

און מאיר ווילנער, דער „פּאַטריאָט" און „טרייער זון פון ישראלדיקן פאָלק", ווי ער האָט זיך ליב צו קרוינען, שילדערט דעם ישראלדיקן פּרעמיער און איר ממשלה ווי „אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלן פאַראַט", „אַ רעגירונג וואָס איז שוואַרצער ווי שוואַרץ", אַז „בן־גוריון פירט ישראל צום תהום", אדג"ל.

אַזעלכע זענען די צוויי מאַסן, וועלכע די ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און איר פּרעסע ווענדן אָן כלפּי דעם מצרישן דיקטאַטאָר און ישראלדיקן פּרעמיער, לגבי דער אַראַבישער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג און לגבי דער נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־ווערק פון יידישן פאָלק.

(י"ש ת"א, 1958)

# ביידע חשבונות שטימען נישט

די אַראַבישע הערשער האָבן זיך צוגעאייגנט נאָך אַ חכמה: פּאָליטישע מאַנעוורעס און פּראָפּאַגאַנדיסטישע טריקן. די בלינדע שנאה צו מדינת ישראל, באַזאַמען מיטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן בויקאָט, איז נאָך אַלץ ווינציק אויף צו באַפרידיקן זייערע געפילן פון האַס און שאָוויניזם. שטערט מען דערפאַר אונדזער מדינה ווו און ווען עס לאָזט זיך. מצרים צייכנט זיך אויס מיטן שליסן דעם סועץ־קאַנאַל פאַר ישראלדיקע שיפן; סיריע באַגנוגנט זיך פאַר־לויפיק מיטן באַשעדיקן די וואַסער־רער קיין שמיר; ירדן וויל נישט הערן און געדענקען וועגן זיכערן אַ פרייען צוטריט פאַר יידן אין די הייליקע ערטער. אמת, אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט די מלאכה פון מאָרד און שעדיקעריי מצד די אַלע דריי שכנים, ס'האָט אָבער אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט די פיינטלעכע אַנטי־ישראלדיקע פּראָפּאַגאַנדע פונעם רוב אַראַבישע לענדער אין ראַיאָן.

### „עליה אין אַ פאַרקערטער ריכטונג..."

דערצו דאַרפן זיי נישט זוכן קיין באַזונדערע געלעגנהייטן. ס'זענען גענוג געווען בלויזע קלאַנגען וועגן אַן עליה פון רומעניע, פון ראַטן־פאַרבאַנד צי פון נאָך אַ סאָציאַליסטישער מדינה, כדי די מנהיגים פון אַראַבישן אָריענט זאָלן אויפהייבן אַ ויצעקו אין די אונ"אָ־אינסטאַנצן, אין דער וועלט־פּרעסע, באַגלייט מיט דיפּלאָמאַטישע אינטערווענצן אין מאָסקווע, בוקאַרעשט, וואַרשע און אַנדערע שטעט. און ווי די אַראַבישע הערשער זאָלן נישט זיין צווישן זיך צעקריגט און צעריסן, האָט די דאָזיקע אַנטי־עליה אַקציע זיי פאַראייניקט.

אויף אַ באַזונדערער המצאה איז געפאַלן דער מלך (אימאַם) פון תימן. וואָס דאַרף ער מטריח זיין דעם דיפּלאָמאַטישן פאַרשטייער, ער זאָל קלאַפּן אין די טירן פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום? האָט דער „האַר פון די הארן", דער אלמעכטיקער הערשער פון דעם פעאָדאַל־פּאַטריאַרכאַלן מדבר־לאַנד, ווו עס גילט נאָך שקלאַפן־האַנדל, האַרעמס, אַ פאַר־שווענדעריש לוקסוס־לעבן פון איין זייט און אָרעמקייט, קראַנקהייטן און פינצטערניש פון דער צווייטער זייט, — באַשלאָסן דירעקט צו ווענדן זיך צום פּרעמיער פון דער סאָוויעטישער

רעגירונג און צום ערשטן סעקרעטאַר פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כדי אים וואָרענען פאַר די גרויסע געפאַרן וואָס דראָען דער וועלט אין פאַל פון ייִדישער עליה פון מזרח־אייראָפּע קיין ישראל.

אונדז איז נישט באַוווּסט דער גענויער אינהאַלט פון אימאַמס בריוו צו כרושטשאָוון. נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין דעם מעמאַריאַל, געשיקט פון רוים, ווו דער תימנער מלך קורירט זיך, האָט ער אוודאי דערמאָנט זיין אָפּגעשוואַכט הארץ און שלאָפלאָזע נעכט. קאָן זיין, אַז ער האָט אויך שטאַרק באַדויערט אין דעם בריוו, הלמאי אַ פאַרשטאַרקטע עליה פון ראַטן־פאַרבאַנד וועט אים נישט לאָזן אין דער פולער מאָס געניסן פונעם האַרעם וועלכן ער האָט מיט זיך מיטגעפירט אין דער איטאַליענישער הויפּטשטאָט. נאָר איינס האָט ער זיכער פאַר־לאַנגט פון מאָסקווע: הילף, טרייסט, באַרויקונג.

און דער ענטפער האָט נישט פאַרזוימט צו קומען.

גראַד אין טעג פון הויכער פּאָליטישער שפּאַנונג, ווען די סאָוויעטישע אויסערן־פּאָליטיק אין פולשטענדיק אַבסאָרבירט מיט דער זשענעווער קאָנפערענץ, מיטן דייטשישן פּראָבלעם, און אויפן אינערלעכן פראָנט גייט אָן אַ געיעג צו רעאַליזירן דעם נייעם זיבניאָר־פּלאַן — האָט נ. כרושטשאָוו געפונען צייט, געדולד, ווי אויך אַ היפּשע מאָס העפלעכקייט און פריינט־לעכקייט צו ענטפערן דעם שקלאַפן־קעניג. זאָל ער, חלילה, נישט צופיל זיך איבערנעמען, קיין עליה וועט נישט זיין. און אויב זי קומט יאָ פאָר — גיט כרושטשאָוו צו מיט אַ בייז־כיטרען שמייכל — איז נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ד. ה. — פון ישראל קיין ראַטן־פאַרבאַנד...

ווילן מיר דאָסמאָל נישט אָפּשטעלן זיך אויף דעם ייִדישן און ישראלדיקן מאָמענט פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ פסס"ר — תימן וויאַ רוים. איצט אינטערעסירט אונדז דער עיקר דער סאָציאַליסטישער אַספּעקט פון דעם ענין.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן צענדליקער סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, פּראָגרעסיווע מענטשן, וויסנשאַפטלער, פּאָליטיקער, פען־מענטשן און פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס געמאַכט אומצאָליקע שריפטלעכע און מינדלעכע אינטערווענצן וועגן דער לאַגע פון דער ייִדישער מינדערהייט אין ראַטן־פאַרבאַנד; וועגן דער ייִדישער קולטור דאָרט; וועגן אַנדערע דער־שיינונגען פון סאָוויעטישן לעבן. מ'האָט געבעטן אויפקלערונגען, פאַרענטפערס, הילף און טרייסט צו באַרויקן און זיך אַנטשפּאַנען פון די שווערע פאַרדאַכטן און אָפענע באַשולדי־קונגען בנוגע געוויסע נעגאַטיווע דערשיינונגען פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט אויפן ייִדישן און אַלגעמיינעם פראָנט. ליידער, געדענקען מיר נישט קיין סך פאַלן, אַז די ווענדונגען פון די פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד זאָלן זוכה זיין צו אַזאַ שנעלן און פריינטלעכן ענטפער, ווי כרושטשאָווס תשובה צום אימאַם. אויפריכטיקע חסידים פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה האָבן זיך די אויגן אויסגעקוקט אויף אַ גוט וואָרט, אַן אויטאָריטעטע דערקלערונג וואָס זאָל צעטרייבן די שווערע און געדיכטע לופט — נאָר אומזיסט. דאָ מעג מען זיך אויסדרייען מיטן רוקן צו די פרעגערס, מען מוז נישט ענטפערן.

דערפאַר אָבער, אַז אַ דעספּאָטישער הערשער פון אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד מאַכט אַ ווענדונג צו נ. כרושטשאָוו — קומט באַלד נישט נאָר אַן ענטפער, נאָר אויך — אַ פאַרענט־פער. אַ באַרעכטיקן זיך פאַר אַ נישט־באַגאַנגען עליה־„פאַרברעכן". און אַ פאַרזיכערונג, אַז סיי תימן, סיי אַלע אַראַבישע לענדער קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף דער פריינטשאַפט פון ראַטן־פאַרבאַנד.

אויך אין דעם פאַל, קיין שום איבערקלויבן, קיין בודק זיין די ציצית פון יעדן באַזונדערן אַראַבישן הערשער. דער קאָמוניסטן־פרעסערישער נאַצער, דער רעאַקציאָנערער מלך סאוד,

דער אַנטי־סאָוויעטישער קעניג פון ירדן, — זיי אַלע קאָנען האָפן אויף סאָוויעטישער פריינשאַפט. און דער מלך מלכי המלכים פון תימן — אַוודאי און אַוודאי.

...עפעס שטימט נישט דא מיטן סאָציאַליסטישן השבון!

## דייטשן — פלמ״חניקעס

אויב אונדזערע באַציונגען מיט דייטשלאַנד זענען אַזוי ווייט אַוועק, אַז ביזן פאַרקויפן אַהין ישראלדיק געווער — טאָ פאַרוואָס זאָל אויך אַ תל־אביבער זשורנאַליסט נישט אַראָפּכאַפּן זיך קיין באָן און באַשרייבן די איצטיקע דייטשלאַנד? נאָר פון באַשרייבן ביז באַזינגען — איז נישט אַזאַ גרויסער מהלך, בפרט נאָך ביי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער היגער נאָכמיטאָג־צייטונג „ידיעות אחרונות״, אלי אבירן, וואָס האָט אויסגענוצט זיין באַזוך אין דער פעדעראַלער רעפובליק, כדי צו כאַפּן אַ בליק... אינעם קריגס־מיניסטעריום.

זיין גאַנצן רעפּאָרטאַזש פונעם באַזוך אין דער אַלטער קאַזאַרמע־געביירע וואָס געפינט זיך אין אַ זייטיק געסל אין באָן, בויט ער אויף דער הנחה, אַז די מערב־דייטשישע ארמיי, וואָס האָט אין יאָר 1956 אויפגעשטעלט איר ערשטע מיליטערישע איינהייט און וועט בקרוב זיך צעוואַקסן אין אַ האַלב־מיליאָניקער אַרמיי מיט אַלע פאָרמאַציעס און נייעסטע קריגס־מכשירים, איז איינגעשטעלט רק צו פאַרטיידיקן זיך פון אַ סאָוויעטישער אַגרעסיע. דערביי גיט א. אבירן אָנצוגעהערן, אַז קאָן זיין דאָס די דייטשן איז אפשר נמאס געוואָרן דער ענין מלחמה, נישט מער — דער צפון־אַטלאַנטישער פאַקט האָט זיי, נעבעך אַריינגעצויגן אינעם פאַרטיידיקונג־פסיכאָז קעגן מעגלעכע אַגרעסיעס. און דייטשלאַנד איז צוגעטיילט געוואָרן די אָנגעזועענסטע ראָל.

לייענסטו די לאַקריץ־זיסע שילדערונג וועגן באָנער „פאַרטיידיקונגס״־מיניסטעריום, דאָס גלאָריפיצירן דעם דייטשן פאַרטיידיקונג־מיניסטער פראַנץ יאָזעף שטראַוס (אגב: אַן אַרטילעריע־אָפיציר בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרווונדעט געוואָרן אין סטאַלינגראַד) — באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז בלויז אומשולדיקע טייבלעך און גאָט די נשמה שולדיקע שעפעלעך פאַרוואַלטן איצט מיט דער באַנייטער דייטשישער קריגס־מאַשין. נאָר צום שענדלעכסטן חילול־השם דערגייט דער תל־אביבער קאָרעספּאָנדענט, ווען ער שרייבט דווקא אין אַן אונטערקאָפּ, מיט גרעסערע אותיות: די באַאַמטע פון זיכערקייט־מיניסטעריום זענען יונגע מענטשן, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, ענלעכע צו פלמ״חניקעס...

עס דערמאָנט זיך אַ דערציילונג וואָס כ׳האָב ערגעץ ווו געלייענט נאָכן פאַרענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה.

אין איינער פון די באַפרייטע שטעט אין אייראָפּע, האָבן אַ גרופּע זעלנער פון דער ארץ־ישראלדיקער בריגאַדע, וואָס דער רוב פון זיי האָבן זייער מיליטערישע דערציונג באַקומען אין פלמ״ח, זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אומגליקלעך יידיש מיידל, אַ געראַטעוועטע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. ווען אונדזערע בחורים האָבן דעם מיידל געוואָלט געבן עסן און איר זיכערן אַ געלעגער, האָט זי זיך געבעטן:

— רירט זיך נישט צו צו מיר, איך בין טמא און פאַראומווירדיקט געוואָרן דורך די נאַציס. איר זייט הייליקע, איר דאַרפט אַפילו נישט שטיין אין מיינע ד׳ אמות...

דאַן האָט איינער פון די יידישע זעלנער אַ קוש געטאָן דעם מיידל אין שטערן, זיך פונאַנדערגעוויינט און געזאָגט:

— אַ שוועסטער ביסטו אונדז, טייערע, אַ געהייליקטע דורך פיין און יסורים. פאַרקערט, מיר פילן זיך גאָר שולדיק כלפי דיר...

✡

בלויז א. אבירן פילט נישט קיין שולד. קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז איינער צי עטלעכע באַאַמטע וועמען ער האָט געזוען אין באָנער מיניסטעריום און מיט וועמען ער פאַרכליניעט זיך אַזוי צוליב די פאַרקאָשערטע אַרבעל — האָבן פּאַראומווירדיקט יענע יידישע טאָכטער ? ! נאָר מיר לעבן דאָך עפּעס אין דער תקופה, ווען דער פּרעמיער פון דער ישראל־רעגירונג דערקלערט מיט פּאַטאָס פון דער כנסת־טריבונע, אַז „דאָס דייטשלאַנד פון היינט איז נישט דאָס דייטשלאַנד פון נעכטן". און אויב אַזוי — טאָ פאַרוואָס זאָל אַ תל־אביבער קאָרעספּאָנדענט נישט פאַרוואַנדלען „די דייטשן פון היינט" — אין פּלמ"חניקעס ?

**שלאָג־אַרגומענטן פאַר ביידע**

נאָך די לעצטע אַנטוישונגען פון מק"י אין נאַצערן, נאָך דער אומזיכערקייט אירער מיט קאַסעמען, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז זי וועט ווענדן אירע בליקן צום... אימאַם פון תימן. אַ סימן האָט איר: כרושטשאָוו אַליין האָט אים באַוויליקט צו ענטפערן אַזאַ פריינטלעכן בריוו און דערצו ממש געשווירן אייביקע ליבע...

און די אָנהענגער פון דער געווער־טראַנזאַקציע אין לאַנד וועלן אויך קאָנען פרייער אָפּעטעמען. אַ סימן האָט איר: אין דייטשישן פאַרטיידיקונג־מיניסטעריום אַרבעטן — פּלמ"חניקעס.

פאַר ביידע זענען עס אפשר שלאָג־אַרגומענטן. נאָר מיר וואָגן פעסטצושטעלן, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט... סיי דער סאָציאַליסטישער חשבון פון סאָוויעטישן פּרעמיער, סיי דער יידישער חשבון פונעם תל־אביבער קאָרעספּאָנדענט.

(י"ש ת"א, 23.7.59)

# דער אַנטי־ציוניסטישער רעצידיוו

פון ניו־יאָרק און וואַרשע האָבן זיך ווידער אַ טראָג געגעבן פאַרשלאָגן, פּלענער און לייזונגען פאַרן יידישן פאָלק, גלייך, חלילה, מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין אייגענע מדינה: גלייך דער באַרימטער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, וואָס איז מיט העכער פופציק יאָר צוריק באַגראָבן געוואָרן — וואָלט אויפגעשטאַנען תחית־המתים; גלייך די פּראָיעקטגעבער זענען ערשט צוריק געקומען פון אַ רייזע אין חלל, נישט האָבנדיק במשך צוויי טויזנט יאָר קיין שום אָנונג, וואָס ס'האָט זיך אויף דער זינדיקער ערד אָפּגעשפּילט מיט די פאַרזינדיקטע יידן...

די נייע רעטער און דערלייזער פאַר די אחינו בני־ישראל, זענען די גוט־באַקאַנטע יעקב פּאַט אין אַמעריקע און דוד ספּאַרד אין פּוילן. ביידע זענען זיך נישט נאָר געאָגראַפיש ווייט, נאָר אויך פּאָליטיש טיילן אָפּ ווייטע מרחקים. בלויז „דאָס פּינטעלע ייד" האָט זיי פאַראייניקט און צונויפגעפירט צו איין פונקט פון „לייזן" די יידנפראַגע — דאָס איז די שוין פאַרשימלטע איינשטעלונג פון „בונד" און יעווסעקציע צו די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון אונדזער פאָלק. אַז איר ווילט שטאַרק זוכן אַ סינטעזע צווישן די איינשטעלונגען, איז נישט שווער זיי אָפּצוגעפינען אין דער אידעאָלאָגיע פון „קאָמבונד": טראָץ דער שפּאַלטונג, שאַרפן ריס און קעגנזאַצן אין פראַגן פון סאָציאַליזם, רעוואָלוציע, קולטור — זענען זיי אָבער געווען אייניק בנוגע דעם ציוניזם, ארץ־ישראל און אָרטיקע אַקטיוויטעטן.

פאַר ביידע זענען לעניך און קאָוטסקי געווען צוויי פּאָליוסן פון זייער אַני־מאמין. אָבער זיי האָבן אין אַ גלייכער מאָס געהאַסט הערצלען און באָראָכאָוון, אויסשטעלנדיק דערביי צו חוזק און שפּאָט די פּראַקטישע ארץ־ישראל אַרבעט און די וויזיע פון אייגענער מלוכהשקייט. אָבער דאָס אַלץ איז דאָך געווען אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. אינצווישנצייט איז „עפּעס"

פאַרגעקומען ביים יידישן פאָלק. אַ דריטל דערפון איז אכזריותדיק אויסגעמאָרדעט געוואָרן; ס'איז אַנשטאַנען אַ יידישע מדינה — נישט אין ביראבידזשאַן, נישט אין אויסטראַליע, נאָר גראָד אין דער אויסגעלאַכטער פּאַלעסטינע; די יידישע וועלט־מאַפּע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט; דער עיקר: דער אַנטיסעמיטיזם, דיסקרימינאַציעס, טעראָר און פּאָגראָמען האָבן נישט געשאַפן דעם נייטיקן קלימאַט און פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר אַ נאָרמאַל, סטאַביל יידיש לעבן אין אַלע גלות־לענדער.

זענען מיר דערגאַנגען דערצו, אַז פאַר צען יאָר עקזיסטענץ פון ישראל, זענען געקומען עולים פון זיבעציק לענדער. אויף אַזויפיל ערטער אין דער וועלט האָבן אַ סך יידן פאַרשטאַנען, אַז אויב שוין פאָרן, עמיגרירן, פאַרלאָזן דאָס פריערדיקע וווינאָרט, דאַרף מען עולה זיין אין ישראל. דעם דאָזיקן היסטאָרישן און סטיכישן פּראָצעס האָבן אפילו פאַרשטאַנען, הגם נישט באַרעכטיקט, די יעווסעקציע אין פּוילן און די בונדישע מאָהיקאַנער אין די פאַרייניקטע שטאַטן. האָבן זיי דאָך ביים ערשטן אַרויפציען די בלויווייסע פאָן פון יידישער זעלבשטענדיקייט מיט 11 יאָר צוריק, מיטגעזונגען די „התקווה" און קאָן זיין, אַז אויך אין זייערע אויגן האָט אַ פינקל געטאָן אַ טרער פון גערירטקייט און טיפער איבערלעבונג...

נאָר ווי לאַנג קאָן מען אַרויסווייזן שוואַכקייט? וויפל איז דער שיעור מיטצוגיין מיט דער „ציוניסטישער היסטעריע"? ווי לאַנג זיך לאָזן פאַרפירן מיטן מלכותדיקן מיראַזש? מעכטיק איז געוואָרן דער יידישער דרוק אין פּוילן, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיי יוגאָסלאַוויע, רומעניע און אין די ד. פּ. לאַגערן — צו קומען אויף דער אייגענער נחלה. אויך אין דער זאַטער אַמעריקע האָבן נישט געפעלט קיין פרייוויליקע יידישע קעמפער צו באַטייליקן זיך אין אונדזער באַפרייונגס־קריג און קאַנדידאַטן אויף עליה. פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, פון פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד, פון די אַראַבישע מדינות, האָט אַ פלייץ געטאָן אַ מעכטיקער עליה־שטראָם, וואָס די געשיכטע האָט זעלטן ווען געוווּסט פון אַזאַ פאַרנעם און כאַראַקטער. אינטערעסאַנט: דער דאָזיקער שטראָם — מיט זיינע אויפשטייגן און ירידות — שטעלט זיך נישט אָפּ אויף קיין איין רגע. ער ווערט שטאַרק, ווען אַנדערע רעגירונגען באַשליסן צו באַפריען זיך פון זייערע יידן. און ער ווערט שוואַכער, ווען די יידן זעלבסט ווייזן נישט אַרויס קיין איבעריקע אייליקייט זיך איינצואָרדענען ביי זיך, אין ישראל.

אויף אָפּצוהאַלטן דעם דאָזיקן פּראָצעס, אָדער אים ריכטן אין אַנדערע קאַנאַלן, אויב ער דאַרף שוין יאָ פאָרקומען, האָט דער היינטיקער „קאָמבונד" (יעדער פאַר זיך!) צו פאַרצייכענען אַ שטאַרקע אַקטיוויטעט זינט דעם פאַרענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה ביזן איצטיקן מאָמענט. אויך פאַר די דאָזיקע 13 יאָר האָט זיך כמעט ווי גאָרנישט געענדערט ביי זיי.

✡

מיר געדענקען די בונדישע דיווערסיע־אַרבעט מיט אויסגעבעטלטע וויזעס ביי די רעגירונגען פון קאַנאַדע, אויסטראַליע, אַמעריקע און שוועדן אין די יאָרן 1945—1948, ווען צענדליקער טויזנטער פּליטים פון דער שארית הפליטה זענען געזעסן אין די דייטשע ד. פּ. לאַגערן און געפירט זייער דראַמאַטישן געראַנגל פאַר אָפענע טויערן קיין ארץ־ישראל. מעגלעך, אַז צוליב אַנטי־ציוניסטישע כוונות, האָט דער „בונד" געקלאַפּט אין די טויערן פון פרעמדע רעגירונגען, כדי אין זייערע לענדער אַריינשטויסן אַ ביסל פון דער שארית־הפליטה. זיין לאָזונג איז געווען: „אומעטום — יאָ, אבי נישט קיין פּאַלעסטינע" אמת, מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה, האָבן זיי אונדז געטאָן אַ טובה, האַלב־שטאַמלענדיק, האַלב־פּאַנפּעדיק, אַז ישראל איז אפשר אַ גוטע זאַך, אָבער נאָר פאַר די ציוניסטן, רחמנא לצלן. פאַר יידן איז דאָס נישט קיין לייזונג. און אַזוי ווי די אמתע יידן זענען נאָר זייערע אַנהענגער (אָדער די אַנהענגער פון וויזעס אין ווייטע לענדער), דאַרף מען זיי העלפן נישט אַריינצופאַלן אין דער ציוניס־טישער מדינה.

דאָס זעלבע — יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן, רומעניע, פראַנקרייך,ביידע אַמעריקעס. פּעראָנס אַרגענטינע, צי די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, זענען פאַר זיי אידעאַלע אַדרעסן פאַר דער שארית־הפליטה. זאַכאַריאַש און ספּארד אין וואַרשע, בערקו פעלדמאַן אין בוקאַרעשט און קעניג אין פאַריז, פּונקט ווי נאַוויק אין ניו־יאָרק, האָבן געפּרעדיקט וועגן דאַיקייט ווי אַ ליכטיקן אידעאַל פאַרן יידישן פאָלק, בעת דאָרט, אין ישראל, איז פינצטער און שוואַרץ.

נאָר ווי געזאָגט, איז דאָס אַלץ געווען אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. דערווייל איז ווידער „עפּעס" פאַרגעקומען. פון פּוילן האָבן בלויז אין פאַריקן יאָר עולה געווען קיין ישראל קנאַפּע 40.000 יידן, דערפון אַ טייל פון זיי — נאָר וואָס געקומענע פון ראַטן־פאַרבאַנד רעפּאַטריאַנטן. פון רומעניע פלייצט אַן עליה, וואָס דער ציפער 100 טויזנט אַ יאָר זעט שוין באַלד אויס צו קליין... און ווייל די אַרויספאָר־דערלויבענישן פאַר די דאָזיקע יידן ווערט געגעבן נאָר קיין ישראל, האָט זיך ווידער עפּעס אָפּגעריסן אין האַרץ פון די בונדיש־יעווסעקישע פאַרזאָרגער. אַזאַ בראָך האָט מען זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. דערפאַר זייערע אויפגעפּרישטע טעאָריעס און לייזונגען בנוגע דעם איצטיקן עליה־שטראָם.

מיט צוויי וואָכן צוריק איז אין ניו־יאָרק זיך צוזאַמענגעקומען אַ וועלט־קאָנפערענץ פון יידישע אָרגאַניזאַציעס, צונויפגערופן דורכן יידישן וועלט־קאָנגרעס. האָט מען דאָרט גערעדט וועגן ישראל און אירע איצטיקע קאָלאָסאַלע אויפגאַבן פון אויפנעמען און איינאָרדענען די עליה פון מזרח־אייראָפּע. דאָ האָט דער אונדז באַקאַנטער יעקב פּאַט רחמנות באַקומען אויף דער יידישער מדינה און אויף די עולים פון רומעניע, פאַרלייגנדיק, אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך ווענדן צו די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון עסטרייך, זיי זאָלן עפענען די טויערן פאַר רומענישע יידן... די זאָרג פון דאָזיקן בונדישן מנהיג און אַ ריי אַנדערע אַסימי־לאַטאָרן און אַנטי־ציוניסטן איז אַזוי אַוועק אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אַפילו גערופן צו פּראָטעסטירן קעגן דער רומענישער רעגירונג פאַר איר פאַרטרייבן די יידן.

איז עס טאַקע אַ גלגול פונעם בונדישן ניגון: אַמעריקע — יאָ, עסטרייך — נישקשה, נאָר ישראל — מילא. אהין וועט מען אפשר אַזוי' אויך פאָרן, נאָר מיר דאַרפן באַגייען די שתדלנות און אויסשנאָרן אביסל וויזעס פאַר אונדזערע ברידער.

✡

אַן ענלעכע געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט אויפן פּלענום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין פּוילן, ווו דער הויפּט־רעפערענט וועגן די אויפגאַבן פון דאָזיקן פאַרבאַנד איז געווען איר גענעראַל־סעקרעטאַר דוד ספּארד. אמת, דער־אַ רעדנער דאַרף נישט אַנקומען נאָך קיין וויזעס וואָס זאָלן דערמעגלעכן צו פאַרבלייבן די אָרטיקע יידן אין פּוילן. די פּוילישע רעגירונג נעמט אויף גאַסטפריינטלעך און וואַרעם די צוריקגעקומענע רעפּאַטריאַנטן פון ראַטן־פאַרבאַנד און מיט דער הילף פונעם „אָרט" און לאָקאַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, באַקומען זיי פיל־וויניק אַ תיקון. אָבער גייסטיק און נאַציאָנאַל שטרעבן זיי צו קומען קיין ישראל. אויך אין דעם פאַל מאַכט נישט דער איצטיקער רעזשים קיין שוועריקייטן. פון פּוילן גייט אַן עליה, הגם עטוואָס „לאַנגזאַם, אָבער זיכער". און דאָס קאָנען נישט פאַרטראָגן אין וואַרשע די נעכטיקע חברים פון יעקב פּאַט. נישט געקוקט אויף אַלע זייערע האַרבע דערפאַרונגען, רעדט מען מיט פּוסטער באַרימערײַ, אַז „אונדזער ישוב איז אַ לעבעדיקער און דינאַמישער". און דערביי ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן (מיט צעוואָרפענער שריפט אין דער „פאָלקסשטימע" און מיט אַקצענטירונג ביים רעדן), אַז „אין פּוילן זענען פאַראַן אַלע באַדינגונגען, וועלכע באַגינסטיקן די סטאַביליזירונג פון יידישן לעבן". און לויט אַלע כללים פון „עכטער, באַלשעוויסטישער זעלבסטקריטיק", האַלט ד. ספּארד, אַז „איינע פון די נעגאַטיווסטע דערשיינונגען אין דער טעטיקייט פונעם פאַרבאַנד איז געווען דאָס נישט פירן די אויפקלערונג מיט דער גאַנצער קלאָרקייט אין דער פראַגע"...

וואָס קאָן מען נאָך צוגעבן צו דעם?

...אינעם געריכט־וועזן איז פאַראַן אַ באַצייכענונג וואָס הייסט רעצידיוו. אויב אַ פאַרברע־כער באַגייט נאָכאַמאָל אַן עבירה, איז ער אַ רעצידיוויסט און ווי אַזעלכער באַקומט ער אַ האַרבערע שטראָף. זענען מיר דאָך אָבער „יידישע גזלנים" — און דעם אַנטי־ציוניסטישן רעצידיוו פון י. פאַט און ד. ספארד וועלן מיר נישט משפטן, נאָר אַלץ איבערלאָזן פאַר דער געשיכטע. זאָל זי אַרויסטראָגן דעם אורטייל, באַזאַמען מיט דער איצטיקער און די פריערדיקע עליות, וואָס האָבן באַקומען און וועלן באַקומען אַ תיקון אין דער מדינה.

(י"ש ת"א, 5.2.59)

# נייע צייטן — אַלטע לידער

דער וואָס האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „נייע צייטן — נייע לידער", האָט זיכער נישט געלעבט אין אונדזער איצטיקער תקופה. אַז נישט, וואָלט ער זיך איבערצייגט, אַז עס קאָן אויך זיין אַנדערש: טאַקע נייע צייטן, אָבער דאָך — אַלטע לידער...

דערשיינט זיך אין מאָסקווע אַן ערנסטע וואָכנשריפט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען „נאָוואָיע ווערמיאַ" („נייע צייטן"). נאָר אַ מאָדנע זאַך: ווי נאָר זי רירט זיך צו צו ישראל־פּראָבלעמען, פאַרלירט זי גלייך פון איר סאָלידקייט און ערנסטקייט.

אַט האָבן די סיריער דערמאָרדעט די פרוי פון אַן ענגלישן דיפּלאָמאַט אין ישראל, באָמבאַרדירט אַ ריי קיבוצים ביים צפונדיקן גרענעץ, דערהרגעט דעם פּאַסטעך פון קיבוץ להבות הבשן און אַ חבר פון קיבוץ גונן; אַריינדרינגלער פון עזה שטעלן נישט אָפּ זייער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט און גניבות אין די ישובים; מצרישע עראָפּלאַנען דערלויבן זיך אַריינ־צורייסן אינעם לופט־שטח פון ישראל; ירדנער לעגיאָנערן שיסן פון דער ירושלימער מויער צו אַ יידישן זעלנער און דערהרגענען אים. אַוודאי וואָלטן אונדזערע זיכערהייט־כוחות געקאָנט צוריקצאָלן מידה כנגד מידה, פונדעסטוועגן האָט מען זיך געוואָנדן צום זיכערהייט־ראַט. וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען — איז אַלעמען באַוווּסט. בלויז די מאָסקווער „נאָוואָיע ווערמיאַ", פונקט ווי די אַראַבישע פּרעסע אויפן נאָענטן מזרח (און לויט זיי נאָך — די מק"יסטישע צייטונגען אין לאַנד), ווייסט צו שרייבן, אַז „ישראל ווערט ווידער געשטויסן צו דער פאָדער־שטער ליניע. בריטאַניע און די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן באַנייט זייערע געווער־טראַנספּאָרטן קיין ישראל און פראַנקרייך האָט פאַרגרעסערט אירע ליפערונגען אין אַ גרויסער מאָס".

אוי, ווי אַלט איז שוין דאָס דאָזיקע לידל, געזונגען אויף די שפּאַלטן פון די „נייע צייטן".

וואָלט געווען אַ יושר צו דערמאָנען די „נאָוואָיע וורעמיאַ", אַז אין דער זעלבער מאָסקווע דערשיינט אַ זשורנאַל „פּאַרטינאַיאַ זשיזן", אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ראַטן־פאַרבאַנד. איז אין נומער 32 פאַראַן אַ לאַנגער מאמר וועגן קאָמוניסטישער מאָראַל. ווערט דאָרט געזאָגט: „אונדזער געזעצגעבונג אַנטשפּרעכט אין דער פולער מאָס די עטישע נאָרמעס וואָס הערשן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז די געזעצן זענען נישט אימשטאַנד אַרומצונעמען אַלע דערשיינונגען פונעם לעבן".

צום באַדויערן, צו די „דערשיינונגען פונעם לעבן", וועלכע די קאָמוניסטישע מאָראַל און אירע עטישע נאָרמעס קאָנען נישט אַרומנעמען — געהערן גראָד די ענינים פון דער יידישער מדינה, פון דעם יידישן פאָלק און פון דער יידישער מינדערהייט אין פסס"ר. ווי זאָגט זיך אין

אַרטיקל: „עס זענען זיך שטאַרק טועה יענע קאָמוניסטן וועלכע האַלטן, אַז דער סטאַטוס פון דער פּאַרטיי לייגט נישט אַרויף אויף זיי קיין עטישע פליכטן".

אדרבה, רעדאַקטאָרן פון „פּאַרטינאַיאַ זשיזן": פירט אַרויס פון דעם דאָזיקן טעות אייערע קאָלעגן פון דער „נאָוואָיע ווערעמיאַ", אַז זייערע עטישע פליכטן זאָלן זיי פאַרפליכטן צו לאָזן הערן אַ ניי יידיש לידל.

אַז מיר ריידן שוין וועגן אַ יידיש־לידל, איז כדאי איבערצוגעבן, אַז דער באַרימטער נעגער־זינגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס געפינט זיך איצט אין ראַטן־פאַרבאַנד, פּאָל ראָבסאָן, האָט אינעם פּראָגראַם פון זיין קאָנצערט אין מאָסקווע אַריינגענומען צוויי יידישע לידער: „ווי אַזוי טרינקט אַ קיסר טיי" און „זאָג נישט קיינמאָל". פאַרשטייט זיך, אַז די יידיש־קאָמוניסטישע פּרעסע אין אויסלאַנד פאַרכליניעט זיך פון פרייד, וואָס די סאָוויעטישע הויפּטשטאָט האָט זוכה געווען צו הערן צוויי יידישע לידלעך. נאָר מיר פרעגן: שוין־זשע האָט מען באַדאַרפט ברענגען פון דער ווייטער אַמעריקע אַ נעגער־זינגער, אויף אויסצופירן אַ יידיש לידל אין מאָסקווע?

נאָר בעסער דאָס, ווי גאָרנישט. ווי זינגט זיך: „זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דיין לעצטן וועג". לאָמיר גלויבן, אַז די צוויי יידישע לידער דאָרט זענען דאָך נישט די לעצטע...

(י"ש ת"א, 12.2.59)

## קעמפן קעגן בן־גוריונען, נישט קעגן נאַצערן

מקי" דאַרף קעמפן קעגן בן־גוריונען און ניט קעגן נאַצערן" — שרייבט שוואַרץ אויף ווייס דער אַדוואָקאַט פישל הערצבערג אין „פריי (פון!) ישראל" אין אַ לאַנגער, צעצויגענער סעריע פון אַ האַלב צענדליק אַרטיקלען, וואָס האָבן די פאַרלוירענע און צעטומלטע מק"י־שעפעלעך באַדאַרפט צוריקשטעלן אויף די פיס נאָך נאַצערס שאַרפן, אַנטי־קאָמוניסטישן אויס־ברוך. און ווער טאָקע וועט אַזוי אַדוואָקאַטיש און ראַפינירט קאָנען פאַרענטפערן דעם מק"יס־טישן פּערזאָנען־קולט לגבי נאַצערן און נאַצערס קולט צו באַקעמפן די קאָמוניסטן מיט תפיסות און רדיפות, ביזן עפנטלעכן שטעלן זיי אין איין ריי מיטן אימפּעריאַליזם און ציוניזם? דערפאַר האָט פ. ה. פאַרביטן די אַדוואָקאַטישע טאָגע אויף אַ גיפטיקער פעדער — און „הוזשאַ נאַ זשידאַ"! דערביי האָט ער נאָך אַ כוונה: יאָרנלאַנג האָט הערצבערג זיך געקאַכט און געפאַרוועט אינעם ציוניסטישן קעסל. הייַנט, וויפל מיקוניסטישע אַרטיקלען דאַרף מען אָנשרייבן, כדי זיך דערזינפעקצירן פון דער דאָזיקער ציוניסטישער פאַרגאַנגענהייט ר"ל און זיין ראוי צו פולער גלייכשאַלטונג אינעם סטאַליניסטישן פּאַנטעאָן פון דער ישראלדיקער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי? מוז מען ווידעראַמאָל אָנגורטן די לענדן אין זכות פון נאַצערן אין אַ האַרבער באַשולדיקונג קעגן דער רעגירונג, קעגן דער מדינה און דער עיקר — קעגן מפ"ם און אחדות־העבודה.

„מק"י איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישראל" — שרייבט פ. ה. — „איר טעטיקייט־באָדן און קאַמף איז ישראל... פון די דאָזיקע פּשוטע הנחות דרינגט אַרויס, אַז די אויפגאַבע פון מק"י קאָן ניט זיין דער קאַמף מיט נאַצערן".

און טריי דער דאָזיקער מסקנה, וויקלט פאַר אונדז אויף דער אַדוואָקאַט פון מצרישן דיקטאַטאָר אַ ברייטע לייוונט פון נאַצערס פרידלעכע און שמן־זיתדיקע דערקלערונגען לטובת ישראל, לטובת אַ שלום — וואָס נאָר דער דאָזיקער צדיק איז מסוגל צו טאָן, בעת אין ישראל זיצן בייזע רשעים וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט דערקענען אויף די גוטע כוונות פונעם קאָלאָנעל... אדרבה, לייענט: „נאַצערס שטעלונג לגבי דעם אַראַביש־ישראלדיקן סכסוך איז

גערוען (ביז דער סיני־אַקציע) אַ סך בעסער ווי די שטעלונג פון אַנדערע אַראַבישע פּאָליטיקער... אין אויגוסט 1955 האָט נאַצער אויף דער קאָנפערענץ פון די אַראַבישע פירער גערעדט וועגן שלום מיט ישראל... נאַצער איז געווען (ביז דער סיני־קאַמפּאַניע) איינער פון די געציילטע אַראַבישע פּאָליטיקער, וואָס האָבן די ערשטע אַנערקענט די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל".

און אויב נאַצער איז אַזוי ווויל און גוט — איז ממש „נאַטירלעך", אַז בן־גוריון איז אַלדאָס בייז. הערצבערג האָט נאָר „פאַרגעסן" צו דערציילן זיינע נישט איבערקלייבערישע לייענער, אַז ביז דער סיני־אַקציע האָט נאַצער אויסגעשולט הונדערטער פעדאַיִון־באַנדיטן, וואָס האָבן (ווידער ביז דער סיני־אַקציע!) געזייט מאָרד, פאַרוויסטונג, רויב און סאַבאַטאַזש אין די גרענעצן פון ישראל, אומברענגענדיק צענדליקער קרבנות פון פרידלעכע ישראל־בירגער: מענער, פרויען און קינדער, אויסער אויפגעריסענע וואַסער־רערן און קינדער־גערטנער, געגזלט קיבוציש פאַרמעגן, אַרטילערישע באַשיסונגען און הערמעטיש־אָפּעשלאָסע־נער סועץ־קאַנאַל פאַר דער ישראלדיקער נאַוויגאַציע און קאַנסעקווענטער עקאַנאַמישער און פּאָליטישער בויקאָט כלפּי מדינת ישראל.

ווייסן מיר נישט צי אַ פּאָליטיק פון באַוווסטזיניקן און בייזוויליקן פאַרהוילן פאַקטן, אַנטשפּרעכט דעם באַרוף פון אַן אַדוואָקאַט. נאָר דער פּראָפעסיע פון אַ מק"י־פאַרטיידיקער — פּאַסט עס זיכער...

☆

„אונדזער אַלעמענס וויזיע" הייסט דאָס פּאַטעטיש־מליצהדיקע אַרטיקל פון הערש סמאָ־ליאַר, פאַרעפנטלעכט אין דער „פאָלקסשטימע" לכבוד דער דערעפענונג פון 21טן קאָנגרעס פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. איז דאָרט פאַראַן אַ פלאַם־פייערדיקער לויב־געזאַנג פאַר אַלץ און אַלעמען וואָס קומט פאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד, אָן אַ וואָרט קריטיק, אָנעם אַרויסברענגען די מינדעסטע נעגאַטיווע זאַך. בלויז איין טעמע ווערט בכלל נישט באַרירט. נישט דערפאַר ווייל זי עקזיסטירט נישט און מאָגט נישט מיט טויזנטער מאָנונגען דערמאָנט צו ווערן. נאָר פאַר הערש סמאָליאַר לוינט זיך בעסער צו מאַכן אַ שווייג. סײַ־ווי, ווייסט ער, דערלויבט מען נישט דער „פאָלקס־שטימע" אַריינצוקומען אין די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד — טאָמער וועט ווער לייענען און אויפוועקן די דאָזיקע פראַגע, אויב אפילו ער זאָל באַווילן זי יאָ צו דערמאָנען?

וועגן וואָס האָט דער יידישער רעדאַקטאָר פון אַ יידיש־צייטונג געפונען פאַר נייטיק צו מאַכן אַ שווייג?

דווקא וועגן דער יידנפראַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד! קיין וואָרט, קיין רמז, קיין פּיפּס וועגן אַזאַ פּראָבלעם אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער מלוכה. אַ סברה, אַז קיין יידן־פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט נישט, אַ סימן האָט איר — ה. סמאָליאַר האָט וועגן דעם נישט דערמאָנט קיין וואָרט, גראָד ווען ער האָט געהאַט דערצו אַזאַ גוטע געלעגנהייט...

דערפאַר אָבער איז די זעלבע „פאָלקס־שטימע" גאָרנישט שווייגעדיק און שעמעוודיק, ווען זי דאַרף באַרידן יידישע ענינים אין... ישראל. איז דאָרט אָפּגעדרוקט אַ מאמר „טרויעריקע בריוו" פון יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט פּוילן. איין פינצטערער ווײַ־געשריי, אַ ביטערע אַנטוישונג פון עמיגראַנטן, וואָס האָבן אַנגעשפּאַרט אין בראַזיל, אין אויסטראַליע. נאָר ווי זאָגט מען ביי יידן: „טאָכטער צו דיר רעד איך און שנור — דיך מיין איך". ווייל נאָך די צוויי טרויעריקע בריוו פון ריאָ־דע־זשאַנעיראָ און מעלבורן — גיט צו די צייטונג: „די גרעסטע צאָל בריוו, פאַרשטענדלעך, באַקומען מיר פון ישראל". אָט אַ דער פאַרשטענדלעך (!) איז ווערט אַלע געלטער. און מען מוז זיי גלויבן אויפן וואָרט, אַז גראָד ישראל שלאָגט דעם רעקאָרד פון בריוו־שרייבעריי. שרייבט וו. ב.: „היינט, אין ישראל, פיל איך, אַז מיין האַרץ קאָן זיך אָפּרייסן יעדער מינוט". און אַנטקעגן דעם — אַ בריוו פון אַ יורד שמעון קרול, וואָס האָט זיך אומגעקערט

קיין פוילן. ער איז דאַנקבאַר דער פוילישער מלוכה, דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין שווידניץ און דעם סעקרעטאַר וואַכטער פאַרן צוריקפאַר און איינאָרדענען.

און די „פאָלקס־שטימע" פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל „טרויעריקע בריוו": „קיין שום קאָמענטאַרן צום דאָזיקן בריוו נויטיקן זיך נישט".

אמת ויציב! קיין שום קאָמענטאַרן צום גלגול פון „בלאַשטיינס בריוונשטעלער" אין דער „פאָלקס־שטימע" — זענען נישט נייטיק.

☆

אַ סברה אָבער, אַז די יידיש־קאָמוניסטישע „נייע פּרעסע", וואָס דערשיינט אין פראַנקרייך, איז פריי פון די אַלע זאָרג — אויב משפּטן לויט דער נאָטיץ אין פאַריזער „אַרבעטער וואָרט", א. ג. „האַליאַ־האָפּ, געבראָטענע הינער און געפילטע פיש". דערציילט דאָס „אַרבעטער וואָרט":

„מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן מיר געלייענט אין דער „נייע פּרעסע" אַ באַריכט פון באַל פון „די קינדער פון לובלין", אין וועלכן דער מחבר האָט מיט אַזוי פיל איינצלהייטן אויסגערעכנט, וואָס און וויפל מען האָט אַלץ דאָרט געגעסן און געטרונקען און ווי גוט מען האָט זיך דאָרט „געבאַוויעט".

האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז געווען אַן איינמאָליקע „אויסגאַבע" און מיט דעם וועט עס נעמען אַ סוף. הייבט זיך נישט אָן. באַלד אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אונדז דער „איינציקער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַן" ווידער מזכה געווען מיט אַ באַריכט פון באַל פון „פריינט פון שעדלעץ און אומגעגנט" — אַ מייסטערווערק.

אויף 142 שורות (אַ חוץ דעם קאָפּ און אונטערשריפט) צעשרייבט זיך דער מחבר ווי אַזוי די מאַמעס און באָבעס האָבן געשעפּט נחת פון זייערע קינדער און אייניקלעך, וועלכע דאַנקן מיט אַזוי פיל טאַלאַנט און געשיקטקייט געטאַנצט אַ האַלאַ־האָפּ פון איין זייט און וועגן „די פיינע געבראָטענע הינער און איבערהויפּט די פרישע געשמאַקע פיש", וועלכע האָבן אַרויסגעשמעקט — פון דער אַנדערער זייט... נישט רעדנדיק שוין וועגן דעם טראַדיציאָנעלן „גאָטאָ", וואָס איין מיטגליד האָט געשאָנקען און אַ צווייטער האָט אים געוווּנען און מיט מזל און גוטן אַפּעטיט אויפגעגעסן (זאָל עס אים זיין צום געזונט!)".

☆

ווייל איז די יידן אין פראַנקרייך. זייער „אידעישער" וויכוח דרייט זיך אַרום געבראָטענע הינער אויף די באַנקעטן פון לאַנדסמאַנשאַפטן, בעת מיר דאָ, אין ישראל, דאַרפן אַפילו איצט איבערצייגן די מק"י־לייט, אַז נאַצער איז נישט אַזאַ טייבעלע ווי זיי מיינען...

(י"ש ת"א, 26.2.59)

## „די קורדן קערן זיך צוריק אין זייער פאַטערלאַנד"

צו נאַצערס שלאַג־אַרגומענטן קעגן מאָסקווע און באַגדאַד, איז איצט צוגעקומען אַ נייע טענה, וואָס אין די אויגן פון מצרישן דיקטאַטאָר, איז עס ממש אַ פאַרברעך: סאָוויעטישע שיפן, אָנגעלאָדענע מיט קורדן פון אַזערביידזשאַן, שווימען אַדורך דעם סועץ־קאַנאַל, אויפן וועג קיין איראַק. לויט דער פּרעסע און ראַדיאָ פון קאַיר, געפינען זיך אויך אויף די שיפן גרויסע געווער־טראַנספּאָרטן, וואָס דאַרפן „מיליטעריש און פּאָליטיש שטאַרקן דעם פּראָ־קאָמוניסטישן רעזשים פון בריגאַדיר קאַסעם". דאַקעגן פאַרענטפערן זיך ראַדיאָ מאָסקווע און די „איזוועסטיאַ", אַז „נאָכן פּראָקלאַמירן די איראַקער רעפּובליק, האָבן די דאָזיקע קורדן (אויפן וועג קיין איראַק) וואָס באַוווינען פאַרשידענע טיילן פון ראַטן־פאַרבאַנד, אויסגעדריקט זייער ווילן זיך אומצוקערן אין זייער פאַטערלאַנד און די איראַקער רעגירונג האָט מסכים געווען זיי אויפצונעמען". דערביי האָט

מען צוגעגעבן אַ וואָגיקן אַרגומענט: צוליב הומאַניטאַרע מאָטיוון, קומט איצט פאַר די רעפּאַט־ריאַציע פון סאָוויעטישע קורדן קיין איראַק.

דער ווערטער־געפּעכט אַרום דער פראַגע האַלט ווייטער אָן אויף דער ליניע קאַיר־מאָסקווע־באַגדאַד. בעת קאַיר קאַרגט נישט קיין האַרבע באַשולדיקונגען קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד פאַר איר אַריינמישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון די מיטל־מזרחדיקע לענדער, באַמיט זיך די מאָסקווער פּרעסע און ראַדיאָ צו ריידן אין אַ מעסיקער, צוריקגעהאַלטענער שפּראַך. אָבער ווערטער באַזונדער. דורכן סועץ שווימען דערווייל כסדר שיפן מיט סאָוויעטישע בירגער פון דער קורדישער מינדערהייט.

ווי קאָמפּליצירט, געשלענגלט און איבעראַשנדיק זענען די וועגן פון פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע. אָט ביסטו טיף איבערצייגט, אַז שטייסט פאַר אַן אייזערנעם מויער פון פּרינציפּן, קאַנאָניזירטע איינשטעלונגען און פאַרהייליקע מיינונגען — און מיטאַמאָל טראַך! די דיקע וואַנט צעפאַלט זיך ווי אַ קאָרטן־הייזל און ס׳אַנטפּלעקן זיך גאָר נייע וועלטן, אַנדערע אידייען און קעגנזעצלעכע איינשטעלונגען.

טענהט דאָך די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע אין משך פון העכער 40 יאָר, אַז בירגער פון דער סאָציאַליסטישער מדינה נייטיקן זיך נישט אין עמיגראַציע, ווייל די מאַטעריעלע לאַגע זייערע, די דערפילטע קולטורעלע באַדערפענישן און דער פּאָליטישער רעזשים האָבן געשאַפן אַלע אַטריבוטן פאַר אַ גליקלעך, מענטשלעך לעבן. אַפילו פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז נישט באַרעכטיקט די שטרעבונג פון וועלכן עס איז נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו וואָס וווינט אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע זי צו פאַרלאָזן און זוכן גליקן אין אַנדערע מדינות, אפילו ווען אַזאַ מדינה איז דאָס פאָטערלאַנד פון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט. דערפאַר האָבן אַלע סאָוויעטישע רעגירונגען געפירט אַ פּרינציפּיעלע פּאָליטיק פון פאַרשלאָסענע טויערן און... פאַרשלאָסענע מיילער. פאָדערן פרייע עמיגראַציע האָט געדראָט מיט דער געפאַר צו פאַרלירן די פרייהייט.

אמת, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געגעבן געוואָרן די רעכט פון רעפּאַטריאַציע פאַר פּאָלאַקן און טשעכן, פאַר אונגאַרן און יוגאָסלאַוון, פאַר פראַנצויזן און רומענער זיך אומצוקערן אין זייערע היימלענדער. מיר געדענקען גוט יענע פעלקער־וואַנדערונג און פעלקער־אויסטוישן אין די יאָרן 1945—1948 אין אייראָפּע, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט דער איצט־אָפּגעשלאָסענער רעפּאַטריאַציע פון פּוילישע בירגער אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס לעבן און די מלחמה־באַדינגונגען זענען געווען שטאַרקער פון אַלע פּרינציפּן און מאָסקווע האָט נישט געקאָנט אויפצווינגען הונדערטער טויזנטער בירגער פון אַנדערע לענדער צו פאַרבלייבן בלויז דערפאַר, ווייל דאָרט הערשט אַ סאָציאַליסטישער רעזשים. דער דאָזיקער באמת הומאַ־ניטאַרער אַקט פון דער סאָוויעטישער אָנפירונג האָט איר געשאַפן פיל אָנערקענונג און פּאָפּולאַריטעט אויף דער וועלט און האָפענונגען ביים יידישן פאָלק, אַז עס וועט אַמאָל קומען די צייט, אַז אויך דעם יידישן ישוב אין ראַטן־פאַרבאַנד וואָס ציילט מיליאָנען, וועט געגעבן ווערן די עלעמענטאַרע רעפּאַטריאַציע־רעכט זיך צוריקקערן אין אייגענעם פאָטערלאַנד.

די לעצטע פּאַסירונג מיט די קורדן דאַרף נישט נאָר שטאַרקן אונדזער האָפענונג, נאָר אויך קרעפטיקן אונדזער פאָדערונג דערלויבן דעם סאָוויעטישן יידנטום זיך אומצוקערן אין זיין היימלאַנד. דער „יידישער" אַרגומענט איז אין דעם פאַל פיל שלאָגפערטיקער און איבער־צייגעוודיקער פונעם „קורדישן" — צוליב אַ פּשוטער סיבה:

די קורדן זענען די גרעסטע נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין די אַראַבישע לענדער. דאָס איז אַן אַלט פאָלק, וועמענס שפּראַך איז נאָענט צו פּערסיש. ביז איצט האָבן זיי זיך נאָך נישט דערשלאָגן צו קיין אייגן לאַנד, צו פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט און איינהייטלעכער קולטור.

געאָגראַפֿיש באַוווינען טאַקע די קורדן אַ שטיק לאַנד וואָס הייסט קורדיסטאַן, נאָר דער דאָזיקער שטח איז צעטיילט צווישן דריי לענדער: טערקיי, איראַק און פּערסיע. זייער עיקר באַשעפֿטיקונג — פֿי־צוכט און באַרג־לאַנדווירטשאַפֿט. וועגן דער גענויער צאָל קורדן איז פֿאַראַן אַ פּלוגתא: די נאַציאָנאַלע באַוועגונג זייערע, וואָס האָט דערוואַכט אין אָנהייב פֿון איצטיקן יאָרהונדערט, טענהט, אַז ביי אַ 9 מיליאָן קורדן געפֿינען זיך אין קורדיסטאַן, בעת די אָפֿיציעלע סטאַטיסטיקעס פֿון טעהעראַן, באַגדאַד און אַנקאַראַ דערציילט וועגן... 3 מיליאָן בסך־הכל. אין טייל ענציקלאָפּעדיעס קאָן מען אויך געפֿינען דעם ציפֿער פֿון 2,5 און אפילו 1,5 מיליאָן קורדן אויף דער גאַנצער וועלט.

לאָמיר פֿונדעסטוועגן זיך שטיצן אויף די אָנגאַבן פֿון יענע מלוכות, ווו עס געפֿינען זיך קורדן, האָבנדיק דערביי אויפֿן אויג, אַז זייער סטאַטיסטיק איז אומבאַדינגט געווען אַ טענדענציעזע, כּדי פֿאַרקלענערן די צאָל פֿון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט: ביי אַנדערטהאַלבן מיליאָן ווינען אין טערקיי (אַנקאַראַ באַצייכנט זיי נישט אַלס קורדן, נאָר אַלס „באַרג־טערקן"); ביי אַ 700 טויזנט אין איראַק און אַ 600 טויזנט אין פּערסיע. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן אַ 200 טויזנט אין סיריע, 30 טויזנט אין לבנון און אַ 50 טויזנט — אין דער סאָוויעטישער אַזערביידזשאַן.

אויב נעמען אין באַטראַכט דעם פֿאַקט וואָס די קורדן האָבן זיך נאָך נישט דערשלאָגן צו אייגענער מלוכהשקייט און אַז נישט דווקא איראַק איז זייער גרעסטער נאַציאָנאַלער צענטער, מוז עטוואָס אונטערהינקען דער אַרגומענט פֿון ראַדיאָ מאָסקווע וועגן „קורדישן צוריקער אין היימלאַנד". זיכער האָבן דאָ גיכער אַנטשידן פּאָליטישע מאָטיוון, איידער הומאַניטאַרע. איןביידע פֿאַלן זענען מיר גרייט צו פֿאַרשטיין און אפֿשר באַרעכטיקן אַזעלכע האַנדלונגען. נאָר מיט איין באַדינג: אַז דאָס וואָס איז אַזוי שיין און גלאַט פֿאַר אַנדערע פֿעלקער, זאָל זיך נישט אַנשטויסן אויף בלינדער שׂנאה, נעגאַציע און פֿאַרקריפּלונג כּלפּי דעם יידישן פֿאָלק.

☆

זאָל דאָס קורדישע פֿאָליק — ווי מיר יידן — מצליח זיין צו אַן אייגענער מדינה, צו נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט און פּאָליטישער סווערניטעט, איינזאַמלענדיק מיט דערפֿאָלג אירע גלותן, אַריינגערעכנט אויך אַזערביידזשאַן. נאָר דער וועג פֿון אָדעסער פּאָרט קיין חיפֿה איז אַ פֿיל נענטערער ווי צום איראַקער פּאָרט באַסראַ — און נישט־ווינציק נויטווענדיק פֿאַרן סאָוויעטישן יידנטום, אויב מען זאָל זיי נאָר באַווייליקן אַרויסלאָזן און זיך באַהעפֿטן מיטן אייגענעם לאַנד; די מאָראַלישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אַרגומענטן פֿאַר אַזאַ רעפּאַטריאַציע זענען פּונקט אַזוי וואָגיק ווי די פֿאַר די קורדן. און וועגן דער הומאַניטאַרער זייט פֿון דעם פּראָבלעם — איז דאָך אָפּגערעדט. נאָר פֿון אונדזער ביטערער דערפֿאַרונג האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז מיט דער דאָזיקער הומאַניטאַרישקייט הינקט עפּעס אונטער. אָט האָט די רומענישע רעגירונג, ענטפֿערנדיק אויף דער העצע פֿון די אַראַבישע לענדער קעגן דער עליה פֿון דאָזיקן לאַנד, אונטערגעשטראָכן גראַד די מענטשלעכע זייט פֿון דעם ענין — און באַלד דערנאָך איז איר נישט בייגעשטאַנען דער פּשוטער מענטשלעכער כּוח צו זיין קאָנסעקווענט כּלפּי אַן אייגענער דעקלאַראַציע און פֿאַרלויפֿיק אָפּגעשטעלט די עליה.

דערפֿאַר חזרן מיר איבער: זיכערן די רעכט פֿון אַלע פֿעלקער און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זיך אומצוקערן אין זייער פֿאָטערלאַנד, פֿון אַלע רעזשימען און מדינות. אַריינגערעכנט אויך די יידישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד.

(י"ש ת"א, 16.4.59)

# דער ביישפּיל פּוילן

אַ מילד, פרילינגדיק ווינטל האָט אין די איצטיקע האַרבסט־טעג זיך אַ טראָג געגעבן פון פּוילן קיין ישראל, ברענגענדיק מיט זיך אַ ביסל טרייסט און האָפענונג, אַז אפשר וועלן אויך אנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, מיטן ראַטן־פאַרבאַנד בראש, נאָכטאָן דעם פּוילישן ביישפּיל בנוגע אייניקע דערשיינונגען ביי זיך, אין באַצוג צו דער איצטיקער יוגאָסלאַוויע און באַזונדערס כלפּי דער אָנגעווייטיקטער יידנפראַגע.

אַלע זענען מיר אונטערן רושם פון באַזוך פונעם יידישן מלוכהשן טעאַטער א. נ. פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ אין ישראל. דער דאָזיקער וויזיט באַווייזט, אַז פּוילן, וואָס איז אַריינגעטרעטן אין 16־טן יאָר פון איר פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים, האַלט נישט פאַר קיין פּגם פאַר איר אינערלעכער אָרדענונג, אויב זי וועט דער קליינער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט געבן אַן אייגענעם טעאַטער (וואָס דאַרף, אגב, פייערן בקרוב 10 יאָר זינט זיין פאַרמלוכהשונג). די רעגירונג פון נייעם פּוילן האָט אין דער יידישער באַפעלקערונג נישט געזען עפּעס אַן אומזיכערן עלעמענט, וועמען מען דאַרף „האַלטן קורץ", אָדער זיך באַציען צו איר מיט פאַרדאַכט. די „נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע", אויב מען קאָן זיך היינט אַזוי אויסדריקן, איז מיט דער פולער האַנט געגעבן געוואָרן די יידן אין פּוילן זינט 1944 ביזן היינטיקן טאָג. וואַרשע איז די איינציקע הויפּטשטאָט פון אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישער מדינה, ווו עס גייט אַרויס פיר מאָל אין וואָך אַ יידישע צייטונג, אַ ליטעראַרישע צייטשריפט, ס'איז טעטיק אַ ביכער־פאַרלאַג, אַ היסטאָרישער אינסטיטוט, אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד און אחרון אחרון חביב — דאָס יידישע מלוכהשע טעאַטער אונטער דער לייטונג פון דער באַגאַבטער אידאַ קאַמינסקאַ. די רעגירונגס־קאַסע האַלט אויס די אַלע אינסטיטוציעס און לאָזט דער שארית הפליטה זיך אויסלעבן אין דער אייגענער קולטור און שפּראַך.

נאָכמער: דעם קאַמינסקאַ־טעאַטער ווערט געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן אויסער די גרענעצן פון פּוילן, גאַסטראָלירן אין אַ ריי אייראָפּעישע מדינות, נישט דווקא קיין סאָציאַליסטישע און דערמוטיקן דעם איצטיקן באַזוך אין מדינת ישראל.

זאָל דערלויבט זיין עטוואָס ענדערן דאָס באַוווסטע ווערטל אין אַזאַ נוסח: „ווי עס יידלט זיך — אַזוי קריסטלט זיך". ווייל אויך אין דער פראַגע יוגאָסלאַוויע, וואָס זינט דעם יאָר 1948 לעקט זי נישט קיין האָניק פון דער סאָציאַליסטישער פעלקער־משפּחה (און ווידעראַמאָל — מיטן ראַטן־פאַרבאַנד בראש), האָט פּוילן דעמאָנסטרירט איר אייגענע שטעלונג בנוגע דעם א. ג. טיטאָיזם. אַז בעלגראַד האָט די טעג געפייערט איר 16־טן נאַציאָנאַלן יומטוב פון באַפרייונג, האָט די וואַרשעווער „טריבונאַ לודו" געפונען פאַר נייטיק צו לויבן די איזאָלירטע און אָנגעגריפענע יוגאָסלאַוויע, געפינענדיק פאַר איר גוטע ווערטער און אָנערקענונג. די צייטונג האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די ענג־געוואָרענע ווירטשאַפט־לעכע און קולטורעלע באַציונגען צווישן ביידע לענדער — דערגרייכונגען מיט וועלכע די אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס קאָנען זיך נישט רימען צוליב דער באַוווסטער „קאַלטער מלחמה" וואָס ווערט געפירט פון פּעקין (און טיילווייז אויך פון מאָסקווע) כלפּי בעלגראַד.

און נאָך אַ „וווּנדער". דער פּוילישער סיים האָט יענע וואָך באַדאַרפט באַשטעטיקן די נאָמינאַציע פון צוויי וויצע־פּרעמיערן פאַר ווירטשאַפטלעכע ענינים: עוגעניוש שיר און יוליאַן טאָקאַרסקי. דער פאַקט וואָס די צוויי קאַנדידאַטן האָבן הינטער זיך אַ סטאַליניסטישע פאַרגאַנגענהייט, האָט באַוויגן 2 דעפּוטאַטן צו שטימען קעגן און 14 זיך אָפּצוהאַלטן, צוליבן פּרווו אַריינצופירן אין דער רעגירונג נייע עלעמענטן מיט אַן אַלטער רעפּוטאַציע.

אַוודאי דאַרף מען נישט איבעריק זיך באַגייסטערן מיטן פאַקט, וואָס גראָד קאַטוילישע דעפּוטאַטן האָבן עפנטלעך דעמאָנסטרירט אין פאַרלאַמענט זייער קעגנערשאַפט צו געוויסע

פערזאָנען. אַזאַ דערשיינונג באַוויַיזט אָבער, אַז אין גאָמולקאַ־פּוילן האָבן פאָלקס־דערוויילטע נישט קיין מורא צו האָבן זייער אייגענע מיינונג, אַפילו ווען זי איז אין סתירה צו דער אָפיציעלער ליניע. אין אויבער־סאָוויעט אין מאָסקווע, צי אין די פּאַרלאַמענטן אין מזרח־בערלין, סאָפיע אָדער בוקאַרעשט, איז זיך נישט פאָרצושטעלן אַזאַ „דורכרייסן דעם פראָנט" און אַזאַ פאַרלעצן דעם פרינציפּ פון איינשטימיקן אָננעמען באַשלוסן.

יידן פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן האָבן געוווּסט, אַז „פּוילישער וועג" מיינט אַ שטויביקער (צי בלאָטיקער) שליאַך, נישט ברוקירט, מיט לעכער און גריבער, ווו מען פלעגט גוט צעטרייסלט ווערן אויפן פורל וואָס האָט זיך געשלעפּט אויף אַזאַ משטיינסגעזאָגטן שאָסיי. אָבער דער היינטיקער „פּוילישער וועג" פון סאָציאַליזם, באַזונדערס זינט אָקטאָבער 1956, מיינט דווקא דעם דרך המלך פון אָריגינעלן, זעלבשטענדיקן סאָציאַליסטישן געדאַנק און טאַט; אַ וועג מיט מערער פרייהייט און ווייניקער באַגרענעצונגען; אַ וועג אָן אַנטי־יידישע פאָרורטיילן און קאָמפּלעקסן; אַ וועג פון נישט נאָכבאָמקען אַלץ אין דער אַנטי־יוגאָסלאַווישער העצע; פון דערמעגלעכן אַמאָל אַ דעפּוטאַט אויך זאָגן זיין „ניין"!

מיר הערן שטענדיק וועגן דער סאָלידאַריטעט פון אַלע סאָציאַליסטישע לענדער, וועגן קעגנזייטיק העלפן, ווי אויך זיך אָפּלערנען. און ווייל מאָסקווע איז אין דעם טייל וועלט דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר, וואָלט זי די ערשטע געמעגט נאָכטאָן פּוילן, וואָס האָט געצויגן די ריכטיקע מסקנות פון די באַשלוסן פון 20טן קאָנגרעס פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בנוגע אַן אייגענעם וועג.

מיר חוזרן איבער: אין פּוילן פירט זיך אַ פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך. אין פּוילן איז פאַראַן אַ מלוכהש יידיש טעאַטער וואָס קומט אויך גאַסטראָלירן קיין ישראל (און ביז איצט — נאָך נישט באַזוכט דעם ראַטן־פאַרבאַנד). פון פּוילן גייט מען אַן עליה אין דער יידישער מדינה. פון וואַרשע טראָגן זיך שבחים פאַר יוגאָסלאַוויע. אין פּוילישן סיים שטימט מען קעגן אָדער מען האַלט זיך אויך אָפּ ביים באַהאַנדלען פאַרשלאָגן פון פּרעמיער.

זענען דאָס נישט קיין דערשיינונגען פון וועלכע די נאָענטסטע שכנים פון פּוילן וואָלטן זיך באַדאַרפט נעמען אַ ביישפּיל?!...

(י"ש ת"א, 3.12.59)

# די סאָוויעטישע ברירה

די טעג האָבן מיר אין פּאַריז באַקומען אַן אויטאָריטעטע דערקלערונג פון נ. ס. כרושטשאָוו פאַרוואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד ליפערט געווער צו געוויסע לענדער פון מיטעלן מזרח. דער הויפּט־אַרגומענט צו באַרעכטיקן די טראַנזאַקציע צווישן מצרים און טשעכאָסלאָוואַקיי, ווי אויך די איצטיקע סאָוויעטישע געווער־טראַנספּאָרטן קיין איראַק, איז געווען: היות דער מערב באַוואָפנט די לענדער וואָס זענען פיינטלעך צו פסס"ר מוז די לעצטע, בלית־ברירה, באַזאָרגן מיט געווער די צו איר פריינטלעכע מדינות.

גוט איז געשען, וואָס צווישן די פּאָזיטיווע מאָמענטן פון כרושטשאָווס באַזוך אין פראַנקרייך, איז אין אַ געוויסער מאָס קלאָר געוואָרן די ריכטליניע פון דער אָפיציעלער סאָוויעטישער פּאָליטיק אויפן נאָענטן מזרח, באַזונדערס אויף אַזאַ געביט וואָס הייסט — געווער־ליפערונג. עס קומט פולע אנערקענונג יענעם זשורנאַליסט אויף דער פּאַריזער פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס האָט געפרעגט דעם סאָוויעטישער פּרעמיער, צי האַלט ער נישט, אַז סאָוויעטישע געווער־ליפערונג פאַרן מיטעלן מזרח, זענען גורם צו שפּאַנונג אין ראַיאָן. און

הגם כרושטשאָוו האָט נישט אָפּגעלייקנט דעם עצם פֿאַקט פֿון שפּאַנונג, האָט ער זיך געדעקט מיט די אַמעריקאַנער־ענגליש־פֿראַנצויזישע געווער־טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן, בלית־ברירה, דערפֿירט אויך צום אָנטייל פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד אין דעם באַוואָפֿענונג־געיעג.

ווי מיר זאָלן נישט מסכים זיין מיט כרושטשאָווס אויספֿירן און מיינונגען אויף דער זעלבער פּרעסע־קאָנפֿערענץ בנוגע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, דאַרף אָבער זיין באַגרינדונג פֿאַר סאָוויעטיש געווער אין ראַיאָן אַרויסרופֿן שטוינונג, פֿאַרדרוס און דעם שאַרפֿסטן פּראָטעסט.

ערשטנס — ווייל ביז איצט האָבן מיר געהערט גאָר אַנדערע תּירוצים. מיט דריי יאָר צוריק, ווי נאָר ס'איז באַוווּסט געוואָרן דער געווער־אָפּמאַך צווישן פּראַג און קאַיר, האָט די אָפֿיציעלע סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע אים באַצייכנט ווי אַ געווייגלעכע האַנדלס־טראַנזאַקציע, אַ פּשוטער סחורות־אויסטויש צווישן צוויי לענדער. מצרים שטעלט צו בוימוואָל, טשעכאָסלאָוואַקיי ליפֿערט דערפֿאַר אירע עראָפּלאַנען, טאַנקן, האַרמאַטן... די יעווסעקציע אין דער גאָרער וועלט און מק״י אין ישראל האָבן זיך געדראָפּעט אויף די גלייכע ווענט, כדי אויפֿצוווייזן, אַז דאָס איז גאָר שלום־געווער נישט נאָר פֿאַר נאַצערן, נאָר פֿאַרן גאַנצן ראַיאָן, אַריינגערעכנט ישראל. אין זכות פֿון די „קאַטיושאַס“ און „איליושינס“, וועט שלום און שלווה הערשן אויפֿן מיטעלן מזרח.

צווייטנס — די רעאַקציע פֿון מאָסקווע אויף אַמעריקאַנער און ענגלישע געווער־טראַנספּאָרטן פֿאַר איראַק, סאַודיע, ירדן און לבנון, האָט נישט געמוזט זיין דווקא — באַוואָפֿענען מצרים און סיריע. די צוויי, פּונקט ווי ירדן און סאַודיע, האָבן פֿאַר אַלעמען זיך געניי־טיקט אין טראַקטאָרן, שולן, אמבולאַטאָריעס, מאַשינען. אויב דאָס האָבן נישט פֿאַרשטאַנען די קאַפּיטאַליסטישע מדינות און דעם טראָפּ פֿון זייער הילף פֿאַר די אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע לענדער געלייגט אויף געווער — איז אַזאַ האַנדלונג געווען פֿאַרבאָטן אַ מדינה וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ סאָציאַליסטישע. דער „שלום־ליבנדיקער“ ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט זיינע פֿאַוואָריטן אין ראַיאָן געקענט באַזאָרגן מיט מכשירים צו באַקעמפֿן די צוריקגעשטאַנענקייט, קראַנקייטן, אינדוסטריאַליזירן די דאָזיקע לענדער, איידער זיי העלפֿן זיך מיליטאַריזירן.

דריטנס — די אידעאָלאָגישע נאָענטקייט פֿון אַ סאַודן און כוסיינען צו אייזנהאַוערן און אידענען, קומט נאָך נישט צו נאַצערס אַנטי־קאָמוניזם און צו קאַסעמס טויזנטער באַוואָרע־נישן כלפּי דעם סאָוויעטישן רעזשים. די נישט־איבערקלויבערישקייט פֿון מאָסקווע צו ליפֿערן געווער צו רעזשימען וואָס זענען נישט אַזוי פֿריינטלעך צו איר, האָט געהאַט און האָט נאָר אין אונדזער ראַיאָן.

פֿערטנס — די סאָוויעטישע רעגירונגען, פּונקט ווי די רעגירונגען פֿון די פֿאַר׳ שטאַטן און גרויסבריטאַניע, האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז דאָס געווער פֿאַר אַראַבישע לענדער, וואָס אַלע ווי איינער דערקלערן זייער ווילן צו פֿאַרניכטן ישראל, איז באַשטימט אויסשליסלעך קעגן דער יינגער יידישער מדינה. צו פֿאַרניכטן די בליענדיקע פֿעלדער פֿון גליל און פֿון נגב. זייען טויט און פֿאַרוויסטונג אין ישראלדיקע שטעט און ישובים. אויב דאָס איז געווען אַזוי קלאָר פֿאַרן אימפּעריאַליסטישן מערב, האָט עס באַדאַרפֿט זיין טויזנט מאָל קלאָרער פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער מדינה.

פֿינפֿטנס — די סאָוויעטישע געווער־ליפֿערונגען פֿאַר נאַצערן זענען די לעצטע פֿיר יאָר געווען באַגלייט מיט אַן אומגעצוימטער, העפֿטיקער און בייזער אַנטי־ישראל פּראָפּאַגאַנדע. די פֿאַרגעשריטענע מדינת ישראל, מיט איר שטאַרקער אַרבעטער־באַוועגונג; מיט אירע פּרעכטיקע אויפֿטוען און דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון אויפֿנעמען און איינאָרדענען העכער אַ מיליאָן יידישע פּליטים פֿון איבער 70 לענדער; פֿון פֿאָרגעשריטענער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָלאָניזאַציע און דעראָבערן די וויסטעניש; פֿון גרויסע וויסנשאַפֿטלעכע און פּראָדוקציע־

אויפטועז; מיט איר לעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וואָס האָט אַפילו אַ פּאַרטרעטערשאַפט אין כנסת און שלום־באַוועגונג — איז פאַרגעשטעלט געוואָרן אין דער סאָוויעטישער ענציקלאָ־פּעדיע, ראַדיאָ, פּרעסע און ליטעראַטור ווי אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד, מיט אַ רעאַקציאָנערער רעגירונג און אימפּעריאַליסטישע טענדענצן. דאַקעגן האָט מען זיך אַזש פאַרכלינעט פון שבחים פאַר אַלע אָן אויסנאַם אַראַבישע מדינות, חנפהנדיק באַזונדערס דעם מצרישן דיקטאַטאָר, וואָס האָט אָן רחמנות געשליידערט אין די תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן טויזנטער קאָמוניסטן, האָט פאַרבאָטן די שלום־באַוועגונג און נישט נאָר זיך אָפּגעטרייסלט, נאָר אַפילו אָנגעגריפן דעם סאָוויעטישן רעזשים און אים פאָרגעוואָרפן פאַרכאַפּערישקייט און אונטער־גראָבערישקייט.

זעקסטנס — כרושטשאָוו האָט אין זיין דערקלערונג צוגעגעבן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז גרייט אָפּצושטעלן זיין געווער־ליפערונג, אויב דער מערב וועט עס טאָן. דער סאָוויעטישער מנהיג ווייסט אָבער אויסגעצייכנט, אַז נישט דערקלערונגען אויף פּרעסע־קאָנפערענצן דעצי־דירן — נאָר פאַרהאַנדלונגען ביים רונדן טיש, צי אייגענער ביישפּיל. אַ קאָמפּעטענטע דעקלאַראַציע פון אַנדריי גראָמיקאָ, אַז פון היינט אָן ווערן אָפּגעשטעלט סאָוויעטישע געווער־ליפערונגען פאַרן נאָענטן מזרח, וועט אומבאַדינגט משפּיע זיין — אין דער איצטיקער אַלגע־מיינער אַטמאָספער פון אַנטשפּאַנונג און צוניפּריידונג — אויך אויפן מערב, צו ענדערן זיין געווער־פּאָליטיק אין ראַיאָן. אַלנפאַלס, דער ביישפּיל וואָלט באַדאַרפט צומערשט קומען פון מאָסקווע.

☆

אוודאי איז פריער געווען דער „באַגדאַדער בונד" און די אַמעריקאַנער באַוואָפענונג פון פּערסיע און טערקיי, די דירעקטע שכנים און ראַטן־פאַרבאַנד. אוודאי איז פריער אויפגעקומען דער „אַטלאַנטישער פּאַקט" און ערשט שפּעטער — דער „בונד ווארשע". נאָר אויב עס האָט נאָך אַ באַרעכטיקונג און אַ לאָגיק דער מיליטערישער און פּאָליטישער אַליאַנס צווישן די מזרח־אייראָפּעישע מדינות מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, איז שווער צו פאַרשטיין דעם שידוך צווישן מאָסקווע און קאַיר. דער „וואַרשעווער פּאַקט" טראָגט אפשר אַ פאַרטיידיקונג־כאַראַקטער און באַדראָט נישט קיין שום מדינה. אָבער דער בונד מאָסקווע—קאַיר באַדראָט קודם־כל און דער עיקר — מדינת ישראל.

אויב כרושטשאָוו וועט אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט, וועט אויך ער מוזן מודה זיין, אַז די סאָוויעטישע ברירה אַנטקעגן אַמעריקעס באַוואָפענען דעם ראַיאָן, האָט באַדאַרפט זיין אַ גאָר אַנדערע. (י"ש ת"א, 31.3.60; דמ"ל, מערץ־אַפּריל '60)

# שאָטאַ רוסטאַוועלי און בער באָראָכאָוו

## דער צוזאַמענהאַנג

וואָס פאַרא שייכות האָט דער נאָמען פון גרוזינישן נאַציאָנאַלן דיכטער, וועלכער האָט געלעבט מיט 700 יאָר צוריק, מיטן גרויסן יידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן קעמפער וואָס איז אין 1917 געשטאָרבן אין קיעוו?

מיט 20 יאָר צוריק, האָב איך אַלס פּליט פון פּוילן זיך געפונען אין דער הויפּטשטאָט פון דער סאָוויעטישער אוקראַינע — קיעוו. האָט זיך געוואָלט באַזוכן די צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק וואָס האָט צו יענער צייט — באַזאַמען מיט אַ גאַנצער ריי אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס — נאָך עקזיסטירט אין פסס"ר. די קנאַפּע קענטעניש פון דער רוסישער שפּראַך און פון דער קיעווער געאָגראַפיע, האָט מיך געצוווּנגען נאָכצופרעגן אַ פאַרבייגייענדיקע

שילערין, וואַרשיינלעך אַ סטודענטין: „ווו געפינט זיך די צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק?״ אויף דעם איז געקומען אַן ענטפער:

— אוליצאַ שאָטאַ רוסטאַוועלי, ביוושאַיאַ באַראַכאָוואַ (אויף דער שאָטאַ רוסטאַוועלי־גאַס געוועזענע באַראַכאָוו)...

נאָך אַזאַ תשובה, האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרץ. די ווייטערדיקע אויסטייטשונגען פון דעם מיידל „איר וועט גיין רעכטס, דערנאָך לינקס, די צווייטע גאַס״ — האָב איך שוין נישט אויפגענומען. געוווּסט טאָקע, אַז ביזן יאָר 1928, ווען לינקע פועלי־ציון איז געווען די איינציקע לעגאַלע פּאַרטיי אין פסס״ר, באַזאַמען מיט דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט אויך עקזיסטירט אַ גאַס אויף באַראַכאָווס נאָמען. אָבער גאַנצע 12 יאָר נאָכן אַראָפּנעמען דאָס „באַראַכאָוו שילדל״, זאָל אַ יינגע איינוווינערין פון דער שטאָט נאָך געדענקען, אַז די גאַס האָט געטראָגן זיין נאָמען — האָט געקאָנט איבעראַשן, בפרט נאָך אַזאַ ייד וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף באַראַכאָווס לערע. דער נאָמען שאָטאַ רוסטאַוועלי איז מיר דעמאָלט אינגאַנצן נישט געווען באַקאַנט, אָבער דער צוגאָב „באַראַכאָוו״ האָט פיל געזאָגט... אויב דער זכרון פאַרפירט מיך נישט, האָב איך שוין דעמאָלט געהאַט שטאַרק פּאַרדרוס אויף דעם אומבאַוווּסטן שאָטאַ רוסטאַוועלי, וואָס האָט נישט נאָר אַרויסגעשטויסן באַראַכאָוון, נאָר אַפילו פאַרכאַפּט זיין אָרט... און ווי נאָר כ׳דערהער דעם נאָמען פון גרוזינישן דיכטער, ווערט ער (לויט אַלע כללים פון פּאַוולאָווס רעפלעקסן־טעאָריע) צונויפגעבונדן מיטן נאָמען פון טעאָרעטיקער פונעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם און גרינדער פון פועלי־ציון.

נאָך עפּעס: ערשט מיט אַ חודש צוריק האָט אַ דריי־פּערזאָניקע דעלעגאַציע פון דער גרוזינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פאַרלאָזט ישראל, ווו זי האָט אין משך פון עטלעכע וואָכן געפאָרשט די שפּורן פון שאָטאַ רוסטאַוועלי, וואָס זיינע לעצטע טעג זאָל ער האָבן פאַרברענגט אינעם „מאָנאַסטיר פון דער קרייצונג״ וואָס געפינט זיך אין ירושלים. די צוויי פּראָפעסאָרן — צערעסעלע און שאַנידזע, באַזאַמען מיטן גרוזינישן שרייבער אַבאַשידזע, זענען געווען איבעראַשט נישט נאָר פון די קענטיקע שפּורן פון רוסטאַוועליס לעבן „אין הייליקן לאַנד״ אָנהייב 13־טן יאָרהונדערט, נאָר אויך פון דעם האַרציקן קבלת־פּנים וועלכן זיי האָבן דאָ געהאַט, אַריינגערעכנט די פריינדלעכע אויפנאַמען ביים מדינה־פּרעזידענט, ביים רעקטאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט און אַנדערע וויסנשאַפטלער. מיט איין וואָרט — די הילף אַרויסצוברענגען וואָס מערער פּרטים פונעם ווייניק באַקאַנטן לעבן פון רוסטאַוועלין, איז די סאָוויעטישע געלערנטע געגעבן געוואָרן מיט אַן אָפן האַרץ און ברייטער האַנט.

דערוויל רוקט זיך אונטער דער 17טער דעצעמבער 1960 — דער 43־טער יאָרטאָג פון בער באַראַכאָווס טויט. און פּונקט ווי דער נאָמען רוסטאַוועלי רופט אַרויס אַסאָציאַציעס מיט באַראַכאָוון, אַזוי געשעט אויך פאַרקערט. באַראַכאָווס יאָרצייט שאַפט אַ רוסטאַוועלי־רעפלעקס...

דערפאַר (אַלנפאַלס, ביי מיר) — דער צוזאַמענהאַנג צווישן די צוויי נעמען...

## אַ לעגענדע וואָס איז געוואָרן ווירקלעכקייט

ווער איז געווען שאָטאַ רוסטאַוועלי? אַפילו די „גרויסע סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע״ ווייסט נישט אָנצוגעבן דאָס יאָר פון זיין געבוירן און פון זיין טויט. זיי זענען זיך דערצו אָפן מודה. אַנדערע פּרטים פון זיין ביאָגראַפיע זענען דער עיקר באַקאַנט פון דער איינציקער גרויסער פּאָעמע וואָס רוסטאַוועלי האָט אָנגעשריבן: „דער ריטער אין טיגער־פעל״. די דאָזיקע שאַפונג, הגם זי איז געווידמעט דער גרוזינישער צאַרין טאַמאַראַ, (תמר), איז אָבער אַ הימן דעם מענטש, ליבע, פריינדשאַפט און דרייסטקייט. רוסטאַוועלי איז טאַקע אַ גלויביקער, אָבער זיין פּאָעמע איז פריי פון מיסטיק און סכאָלאַסטיק. ער פאָדערט גערעכטיקייט, באַזינגט

די פרויען־ערע און פרייע ליבע, פאַראורטיילנדיק גערעדטע און אויפגעצוווּנגענע שידוכים. רוסטאַוועלי וויל אין דער אויסערלעכער שיינקייט פון מענטש אויך אויסגעפינען אינערלעכע מאָראַלישע ווערטן. מיט איין וואָרט — אַ שיינגייסטער, דענקער און דיכטער, וואָס האָט אומבאַדינגט באַדאַרפט פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער גרוזינישער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. און פונדאַנען — זיין פּלאַץ אינעם פּאַנטעאָן פון דער אַלגעמיינער סאָוויעטישער קולטור.

און דאָס האָט ער דערגרייכט. די כמעט לעגענדאַרע געשטאַלט שאָטאַ רוסטאַוועלי — איז געוואָרן ווירקלעכקייט.

## בער באַראָכאָוו — אין פאַרגעסנהייט

דאָס יאָר פון באַראָכאָווס געבוירן איז יאָ באַקאַנט (1881). דאָס אָרט — אַוודאי (זאָלאָטאָנאָשי, נעבן פּאָלטאַווע). ווען ער איז געשטאָרבן — איז אויך באַוווּסט (1917, אין קיעוו). און זיין טעטיקייט, אויפטוען, זיין שאַרפער מוח, זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וואָס קלינגען ווי פּאָעמעס — זענען דאָך געוואָרן אַ שם־דבר. און וויפל, מ'שטיינס געזאָגט, קאָן מען עס אויפטוען, אַז מען לעבט, בסך־הכל, 36 יאָר? נאָר באַראָכאָווס גייסטיקע ירושה איז אַזוי גרויס, אַז זי שטייגט צענפאַכיק איבער זיינע קנאַפּע צאָל יאָרן. פון דעם ערשטן אַרטיקל „וועגן כאַראַקטער פון יידישן שכל" וואָס איז אין 1902 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „ציוניסטישן אַלמאַנאַך", ביזן לעצטן עפנטלעכן דערשיינען אויפן פעלקער־קאָנגרעס אין קיעוו נאָכן אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט ער באַוויזן אָנצושרייבן גרעסערע און קלענערע (נאָר טיפזיניקע און אָריגינעלע) אַרבעטן קעגן אוגאַנדאַ און פאַר ארץ־ישראל; „די קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע"; „אונדזער פּלאַטפאָרם"; „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק"; „ווירטואַליזם"; וועגן עמיגראַציע־פּראָבלעמען; „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפערן"; „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין בעלגיע" — אויסער צענטליקער אַרטיקלען און פּאָלעמיקעס מיטן „בונד", „סיימיסטן", טעריטאָריאַליסטן און מיט אייגענע חברים פון פאַרשידענע „טאָלקס" און אָפּנויגן.

דער „פענאָמען באַראָכאָוו" איז אויך באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַליין נישט קענענדיק די יידישע שפּראַך אין זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, ווערט ער שפּעטער איינער פון אירע פאָרשער, גראַמאַטיקער און טרייעסטע אָנהענגער. אויך בנוגע זיינע צאָלרייכע און פאַרשידנאַרטיקע אַרבעטן מוז מען בויגן דעם קאָפּ. פון 17 יאָר אָן ווערט ער טעטיק אין די ציוניסטישע קרייזלעך אין פּאָלטאַווע און שפּעטער — אין דרום פון רוסלאַנד. נאָכן צושטיין צו פועלי־ציון, אָרגאַניזירט ער די פּאַרטיי און באַטייליקט זיך אין דער פּאָלטאַווער גרינדונג־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון. אין 1906 ווערט ער אַרעסטירט און מיט אַ יאָר שפּעטער טרעפן מיר אים שוין אין האַג (האָלאַנד), אויף דער גרינדונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון. דערנאָך — קראָקע, בעלגיע, שווייץ, ווילנע. ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פאָרט ער קיין איטאַליע און פון דאָרט — קיין אַמעריקע. אין 1917 באַטייליקט ער זיך אין נאָמען פון פועלי־ציון אין דער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם. די ביאָגראַפן פון באַראָכאָוו ווייסן צו דערציילן, אַז זייענדיק גאָר ווייט פון רוסלאַנד, האָט ער אויף דער ערשטער ידיעה, אַז ס'איז דאָרט געשטירצט געוואָרן די צאַרישע דעספּאָטיע, זיך אויסגעדריקט: „איך פאָר קושן די ערד ווו ס'איז אויסגעבראָכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע" — און ער איז טאַקע געפאָרן. געשלעפּט זיך איבער אוקראַינע אין רוסלאַנד אין אומבאַהייצטע וואַגאָנען, געפירט זיין אַרבעט פאַר דער רעוואָלוציע, זיך צוגעקילט, באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג — און אין עלטער פון 36 יאָר צוגעמאַכט די אויגן אויף אייביק.

ביים וויגעלע פון אָקטאָבער האָט מען דעם טויטן באַראָכאָוו אָפּגעגעבן ווי ס'געהער צו זיין, דעם לעצטן כבוד. אַ שיינע מצבה אָוועקגעשטעלט אויפן קיעווער בית־עולם און

אַפילו אַ גאַס אָנגערופן אויף זיין נאָמען. ערשט, ווי געזאָגט, מיטן דעלעגאַליזירן פּועלי־ציון אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט מען אויך אָפּגעמעקט דאָס שילדל אויף דער באַראַכאָוו־גאַס און עס פאַרטוישט מיט דער אויפשריפט „שאָטאַ רוסטאַוועלי".

דער רעאַלער און ממשותדיקער באַראַכאָוו האָט אַזוי אַרום באַדאַרפט אַוועק אין דער פאַרגעסנהייט, פאַרוואַנדלען זיך אין אַ לעגענדע...

## דאָס אידענטישע און קעגנזעצלעכע

דאָך איז פאַראַן פיל אידענטישס צווישן די צוויי געשטאַלטן. שאָטאַ רוסטאַוועלי האָט אַ דאַנק זיין איינציקער פּאָעמע פיל געהאָלפן באַנייען און אויפלעבן די גרוזינישע שפּראַך, פונקט ווי דער פילאָלאָג באַראָכאָוו האָט עס געטאָן כלפּי דעם יידישן לשון. רוסטאַוועלי האָט זיך געבונטעוועט קעגן צעשפּליטערן זיין היימלאַנד און געוואָלט זען אַ באַפרייטע גרוזיע, אָן פרעמדע פאַרכאַפּער. דאָס זעלבע — נאָר בנוגע ארץ־ישראל און דעם יידישן פאָלק, האָט געוואָלט בער באַראָכאָוו. לעבנדיק מיט 700 יאָר צוריק, האָט רוסטאַוועלי געשילדערט דעם לעבנסשטייגער פון דער גרוזינישער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, מיט אירע מיליטעריש־ריטערלעכע און סוחרישע שיכטן. און מיט קנאַפּע 70 יאָר צוריק האָט באַראָכאָוו געשילדערט דאָס לעבן פונעם זיך פאָרמירנדיקן און אויפוואַכנדיקן יידישן פראָלעטאַריאַט און פאַר אים געצייכנט אַ וועג וואָס סאָציאַל און נאַציאָנאַל איז ער געווען פּאַראַלעל צו די אויפאַסונגען פון גרוזינישן נאַציאָנאַלן דיכטער. און אחרון אחרון — די לעגענדע און דאָס אַנטדעקטע בילד אינעם „מאָנאַסטיר פון קרייצונג" אין ירושלים פון רוסטאַוועלין באַווייזן, אַז ער איז געקומען אַהער שטאַרבן אין „הייליקן לאַנד". נאָר שוין נישט קיין לעגענדע דערציילט, אַז באַראָכאָוו איז טאַקע געשטאָרבן אין זיין „הייליק לאַנד", וווּ ס'האָט באַדאַרפט אויפשיינען די זון פון פעלקער־באַפרייאונג, בתוכם אויך — פון יידישן פאָלק...

יאָ — פאַראַן אַ געוויסע אידענטישקייט צווישן די צוויי פּערזענלעכקייטן, טראָץ דער פאַרשינדאַרטיקייט און ווייטקייט פון די תקופות אין וועלכע זיי האָבן געלעבט. נאָר מוראדיק קעגנזעצלעך איז די באַהאַנדלונג פון די צוויי געשטאַלטן מצד דער סאָוויעטישער מאַכט. אין 1937, 700 יאָר זינט עס איז דערשינען רוסטאַוועליס פּאָעמע „דער ריטער אין טיגער־פעל", איז די דאַטע געפייערט געוואָרן ווי אַ גרויסע קולטור־געשעעניש אין גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד. אין 1956 איז דערשינען אַ ספּעציעלע פּאָסט־מאַרקע מיט רוסטאַוועליס בילד. דענקמעלער, מוזייען, קולטור־אינסטיטוציעס, גאַסן און סקווערן טראָגן דעם נאָמען פון גרוזינישן פּאָעט. די כוונה איז געווען און איז — אַרויסהייבן די דאָזיקע געשטאַלט, דערציען דעם יונגען דור צו ליבע און פּיעטעט פאַר אַ דיכטער וואָס האָט געלעבט מיט 700 יאָר צוריק. דאָס שיקן אַ ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע קיין ירושלים איז אויסן געווען אַרויסצובאַקומען נאָך און נאָך פּרטים פון זיין לעבן און שאַפן.

אָבער לגבי באַראָכאָוון און אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין פאָלק און קולטור — ווערט פאַרווישט און ליקווידירט. נישטאָ אין קיום נישט נאָר די גאַס וואָס האָט אַמאָל געטראָגן זיין נאָמען, נאָר אויך נישט די צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק, די ביידע יידישע טעאַטערס (פאַר דערוואַקסענע און יוגנטלעכע), קיין יידישע אויסגאַבן, קיין אינסטיטוט פאַר דער יידישער שפּראַך ביי דער אוקראַינישער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע. דאָס אַלץ האָט נאָך עקזיסטירט אין יאָר 1940, ווען כ'האָב געהערט „אוליצאַ שאָטאַ רוסטאַוועלי, ביוושאַיאַ באַראָכאָוואַ". שפּעטער איז פון „ביוושאַיאַ באַראָכאָוואַ" — געוועזענע באַראָכאָוו־גאַס, געוואָרן געוועזענע יידישע קולטור אין פסס"ר; געוועזענע יידישע ליטעראַטור; געוועזענע יידישע פּרעסע, טעאַטערס, שולן. אַפילו די „יידישע אויטאָנאָמע געגנט" — ביראָבידזשאַן —

פאַלט שוין אויך אַרונטער אונטער דער קאַטעגאָריע פון געוועזענע... אַן עמק־הבכה פון אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין אַ פאַרשניטענע יידישער קולטור.

אפשר זענען דאָס שוין אַלטע, אויסגעדראָשענע מיינונגען און פראַגן. זיי געהערן אָבער פאָרט נישט צו אַ תקופה פון פאַר 700 אָדער 70 יאָר צוריק, נאָר שטייען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אויפן סדר־היום אויך איצט, אין יאָר 1960.

(י״ש ת״א, 15.12.60)

## נייטיק נאָך איין רעהאַביליטאַציע

מרדכי אורן, דער ארעסטאַנט נומער 2446 פון דער פאַנקראַטצער תפיסה אין פראַג אין די יאָרן 1951—1956, איז די טעג רעהאַביליטירט געוואָרן דורכן העכסטן געריכט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפובליק. וואָלט געווען אַ יושר, אַז די געוועזענע און איצטיקע אָנהענגער פון ד״ר משה סנה, וועלכע האָבן מיט 10 יאָר צוריק געמשפט אורנ׳ען, אידענטי־פיצירנדיק זיך מיט די פראַגער ריכטער — זאָלן זיך איצט אויך רעהאַביליטירן און ריינוואַשן...

ענדלעך האָבן מיר זוכה געווען, אַז אויך צום קיבוץ מזרע, די היים פון געוועזענעם פראַגער ארעסטאַנט, זאָל מיט אַ גרויסער און אומנייטיקער פאַרשפּעטיקונג, זיך דערטראָגן די בשורה פון פולשטענדיק אָפּמעקן די הארבע באַשולדיקונגען, פאַר וועלכע אורן איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר שווערע תפיסה. ערשט איצט איז די באַפרייאונג פון 7 יאָר צוריק, באַגלייט געוואָרן מיט אַן אָפיציעלן אַקט פון באַגנעדיקונג און אַנטלאַסטונג פון יענע געשפּענסטיקע פאַרווורפן, וואָס האָבן אים גורם געווען אומגעהויערע פיזישע און מאָראַלישע יסורים. נאָכן ריינוואַשן די מיט 10 יאָר צוריק דערשאָסענע סלאַנסקי, קלעמענטיס און זייערע חברים, איז אויך פון דעם על־פּי נס געראַטעוועטן מרדכי אורן אַראָפּגענומען געוואָרן די באַשולדיקונג פון פראַגער מאָנסטער־פּראָצעס.

די פרשה אורן, וואָס האָט געהאַט איר אָנהייב אין אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן פראַג־ווין אין דער סילוועסטער־נאַכט 1951, מיטן אַרעסטירן דעם ישראלדיקן אַרבעטער־טוער — איז קיינמאָל נישט געווען בלויז זיין פּערזענלעכע טראַגעדיע. ווייל די וואָס האָבן אים פאַר־געוואָרפן שפּיאָנאַזש, דיווערסיע און אינטערנאַציאָנאַלע קנוניהס קעגן די פאָלקס־דעמאָקראַ־טיעס בכלל און דער נייער טשעכאָסלאָוואַקיי בפרט, זענען גאָר אויסן געווען צוזשרייבן די אַלע פאַרברעכנס דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, דעם „דזשאָינט״, אייניקע מיניסטאָרן פון דער ישראל־רעגירונג און דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן אויפטו פון דעם יידישן פאָלק אין זיין אויפגעריכטער מדינה. דעם 9טן אָקטאָבער 1953 איז אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק געזעסן נאָר מרדכי אורן, אָבער געמשפּט זענען געוואָרן די רעפּרעזענטאַטיווע און אויטאָריטעטע אָרגאַניזאַציעס און אינסטאַנצן פון יידישן פאָלק, דער ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען.

אין יענע שטורמישע טעג און נישט ווייניק צעשטורעמטע געמיטער, איז טאַקע וועגן דעם אָנגעגאַנגען דער וויכוח אין לאַנד און אין אויסלאַנד: ווערט אין פראַג געמשפּט בלויז אורן, צי אויך די באַוועגונג און אידעאָלאָגיע וועלכע ער רעפּרעזענטירט און דאָס לאַנד וועמענס בירגער ער איז?

מק״י, די ערשטע קדוש־שפּרינגערין פאַר יעדן אַנטי־ציוניסטישן און אַנטי־ישראלדיקן אַקט וואָס איז געקומען פון מאָסקווע און פון פראַג, האָט זיך גלייך צוגעאייגנט די צוויטע מיינונג. זיי האָבן דאַן געשריבן וועגן „יער אורנים״ („אַ וואַלד פון סאָסנע־ביימער״). נישט

נאָר אורן איז, לויט זייער אויפפאַסונג, פעיק צו זיין אַ מערבדיקער שפּיאָן, אַ שעדיקער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און שונא פון סאָציאַליזם — נאָר יעדער חבר פון מפ״ם, יעדער מיטגליד פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די מנהיגים פון אונדזער פאָלק — זענען פּאָטענציעלע אורנס, בייזע וועלף וואָס וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט (און גרייטן זי אויך צו) צו פאַרצוקן די לענדער פון סאָציאַליזם. מיט זייער אַנטי־אורן היסטעריע האָט דער תל־אביבער „קול העם״ נישט איין מאָל איבערגעשטיגן די פּראַגער „רודע פּראַוואָ״ און „פריי ישראל״ האָט אין איר אַנטי־ציוניסטישער וואַקכאַנאַליע זיך ליציטירט מיטן טשע־כאָסלאָוואַקישן הויפּט־פּראָקוראָר אורוואַלעק. מיט איין וואָרט — מק״י האָט זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיטן מהות און טענדענצן פונעם פּראַגער שקר־פּראָצעס.

אויך מפ״ם, צו וועלכער ס'האָט אין יענער תקופה נאָך געהערט אחדות־העבודה, האָט באַדאַרפט אַנטשיידן: סאָלידאַריזירן זיך מיט די פעלשער און פאַרקריפּלער פון פּראַג, אָדער נעמען אונטער איר שוץ דעם באַשולדיקטן חבר. די זיצונג פון פּאַרטיי־צ.ק. וועגן דעם ענין איז געווען אַ דראַמאַטישע און געשפּאַנטע. ערשט ביי דער נאָמענטלעכער אָפּשטימונג איז די אָל אַרויס פון זאַק: די מק״יסטישע „פינפטע קאָלאָנע״ אין מפ״ם, אָנגעפירט פון ד״ר משה סנה, האָט שוין נישט געקאָנט ווייטער אָנגיין מיט איר קאַמופלאַזש — און געגעבן זייער צושטימונג די עלילת־דם פאַרשפּרייטער אין פּראַג.

אָבער נישט נאָר מק״י און די סנהיסטן זענען דאַן באַהערשט געוואָרן פונעם „פּראַגער דיבוק״. אויך ערלעכע אַרבעטער און פשוטע פאָלקס־מענטשן זענען אין יענער תקופה מיטגעריסן געוואָרן מיט דער העפטיקער פּראָפּאַגאַנדע און אויך מיטן פאַקט פון זיך „מודה זיין״ פונעם באַשולדיקטן אורן. נישט אין איינעמס האַרץ האָט זיך פאַרגנבעט אַ ספק: אפשר איז ער פאָרט שולדיק? וואָלט מען דען אָן אַ פאַרוואָס פאַרשפּאַרט אַ מענטש אין תפיסה, דערצו נאָך אַ פרעמדן בירגער און אים אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק? די־אַ מחשבה האָט טאַקע באַוויזן פיל צו שטימען מיט דער סנה־גרופּע, וואָס האָט געמיינט: אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט פון פּראַג — און נישט פון תל־אביב.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען און באַזונדערס דער לעצטער באַגנעדיקונג־אַקט פון העכסטן טשעכאָסלאָוואַקישן געריכט האָבן סוף־סוף באַוויזן ווער ס'איז גערעכט געווען אין דעם היסטאָרישן וויכוח וועגן מהות פון פּראַגער בלבול־פּראָצעס, וואָס געדויערט האָט ער בסך־הכל דריי און אַ האַלבע שעה, נאָר געברענגט מיט זיך אַן אורטייל פון 15 יאָר קאַטאָרגע און לאַנגע יאָרן פון געשפּאַנטקייט, ברוגז און אומצוטרוי אין די באַציאונגען פון ביידע לענדער. (אויך די איצטיקע רעהאַביליטאַציע איז נאָר נוגע פּערזענלעך אורנען — אָבער נישט דעם ציוניזם און דער מדינה).

☆

אויב פּאַראַפראַזירן די רייד פון מרדכי אורן אין טאָג פון זיין באַפרייאונג דעם 13־טן מאַי 1956, אַז „כ'בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן, נאָר געווען אַ קרבן פון אַ פאַרברעכן״ — זענען אויך די סנה־מיטלויפער און אַנטלויפער פון מפ״ם מיט 10 יאָר צוריק געווען קרבנות פון פאַרברעכן. וואָלטן זיי איצט באַדאַרפט זיך ערנסט פאַרטראַכטן איבערן לעצטן אַקט פון דער אורן־טראַגעדיע, וואָס איז אין אַ באַשטימטער מאָס געווען אויך זייער פּערזענלעכע טראַגעדיע. און אויב די העכסטע געריכטלעכע אינסטאַנץ אין פּראַג האָט זיך גענומען דעם מוט צו רעווידירן דעם פּראָצעס און ריינוואַשן דעם באַשולדיקטן — וואָלטן אויך די אָנהענגער פון סנה באַדאַרפט רעווידירן זייער האַנדלונג דאַן, אָפּטרייסלען זיך פון זייער ביז איצטיקן וועג און אַדורכפירן אַ זעלבסט־רעהאַביליטאַציע. אויב שוין יאָ זיך אידענטיפיצירן מיט די האַנדלונגען פון די פּראַגער ריכטער — איז גראָד דער לעצטער באַשלוס זייערער אַ געלעגנהייט חוזר בתשובה צו זיין, אומקערן זיך אין מפ״ם און אַנער־

קענען, אַז זייער שריט דאָן האָט געפּאַסט נאָר פאַר „שיכורע גויים", לויט דעם טרעפלעכער באַצייכענונג פון פאַרשטאָרבענעם יצחק יצחקי...

צען יאָר זינט דעם פּראַגער משפּט זענען אַ גענוג לאַנגע תּקופה אויף אויסצוניכטערן זיך פון יענער „שיכרות". די אַמאָליקע קיבוץ־חברים, שטאַטישע אַרבעטער און אינטעלי־גענץ, וועלכע זענען דאַן פאַרטשאַדעט געוואָרן פונעם „בּרענענדיקן דאָרן" (סנה) און אינעם פּראַגער משפּט געזען דעם העכסטן אויסדרוק פון סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט, דאַרפן דערגיין צו דער מסקנה, אַז אויב ס'איז יאָ מעגלעך וועלכע ס'איז פאַרגיטיקונג פאַר די אויסגעפּרעסטע ווידויים פון מרדכי אורן, דאַרף דאָס זיין איצט אַ פרייוויליקער, אויפריכטי־קער און אומגעצווונגענער „אשמנו, בגדנו און חטאנו" פון די סנה־אַנהענגער, וואָס האָבן אים בשעתו פאַראורטיילט...

(י"ש ת"א, 16.10.63 ; איי"נ, מעלבורן, 1.11.63)

# 10 יאָר אָן סטאַלינען

די צענטע יאָרצייט פון יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין האָט ווי אָפּגעלייקנט דעם יידישלעכן „אחרי מות — קדושים"... קיין הספּדים, קיין טרויער־אַקאַדעמיעס, קיין צייטונגס־אַרטיקלען, וואָס זאָלן אין דער קלענסטער מאָס אָרויסברענגען כאָטש עפּעס פון יענער גרויסקייט, גאוֹנישקייט און פעיקייט, וועלכע זענען אים צוגעשריבן געוואָרן ביים לעבן. ערשט נאָך זיין טויט האָבן מיליאָנען אָנהענגער און פאַרערער זיך אַרומגעזען, אַז „דער קעניג איז נאַקעט"... בסך־הכל איין בלימעלע אויפן טאָוול פון לענין־מאַוזאָליי, ווו סטאַלין איז אַמאָל געווען באַגראָבן, איז דורך אַן אומבאַקאַנטע האַנט אָוועקגעלייגט געוואָרן דעם 6טן מערץ, אין צענטן יאָרטאָג פון זיין טויט...

מיטן פאַרשווייגן אין פּסס"ר די דאַטע, איז מען אוודאי אויסן געווען צו באַרואיקן דאָס אייגענע געוויסן און פאַרלייקענען יענע פּאָליטיק, וועלכע האָט אַזוי טומלעריש־שרייענדיק דערהויבן דעם הערשער צו די העכסטע הייכן. די וואָס האָבן ביי זיין לעבן אים צוגעשריבן אומשטערבלעכקייט און אייביקן רום — האָבן צומאָרגנס נאָך זיין טויט געזוכט וועגן און מיטלען ווי אַזוי צונישט מאַכן די אייגענע לעגענדע. נישט אַנדערש, אַז מיטן טויט פון סטאַלינען, האָט מען אויך געוואָלט אָפּווישן דעם זכר פון סטאַליניזם. שוין צען יאָר ווי עס גייט אָן די דאָזיקע מלחמה — טיילמאָל מיט ריקזיכטלאָזיקייט און קאָנסעקווענטקייט, טיילמאָל אויך מיט ריקצוגן און וויתּורים. די קאָמפּראָמיטאַציע פון טויטן סטאַלין דאַרף דינען נישט נאָר ווי אַ רעהאַביליטאַציע פאַר די לעבנגעבליבענע מיטאַרבעטער זיינע, וועלכע האָבן בשעתו געהאָלפן שאַפן דעם מיטאָס אַרום זיין פּערזאָן, נאָר גלייכצייטיק איינפירן אַ מער ליבעראַלן און דעמאָקראַטישן רעזשים אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער אָנהייב אין דער ריכטונג איז געמאַכט געוואָרן — און מיט געוויסע דערפאָלגן.

דערווייל איז אַפילו איצט, צען יאָר זינט דער סאָוועטישער פירער איז אַוועק פון דער וועלט, שווער צו פאַרגעסן יענע געצנדינערייַ און בלינדער גלויבן אין זיין גרויסקייט, וואָס איז דורך דער פּרעסע, ראַדיאָ, ליטעראַטור און רעדעס פּראָפּאַגירט געוואָרן ביי אַלע אומ־שטענדן און געלעגנהייטן. סטאַלינס אַ רעדע האָט זוכה געווען נישט נאָר צו אַ גענויעם, סטענאָגראַפישן באַריכט אין אַלע אָן אויסנאַם סאָוועטישע אויסגאַבן, נאָר איז ביי אַ סך שטעלן געווען פאַרזען מיט באַמערקונגען אין קלאַמערן: „שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן"; „אָוואַציע פון גאַנצן זאַל, אַלע שטעלן זיך אויף. אויסגעשרייען: דעם גרויסן סטאַלין — הורא!"; „זאָל לעבן דער חבר סטאַלין". שרייבער, דיכטער, זשורנאַליסטן, וויסנשאַפטלער און הויכע מיליטער־לייט, האָבן באַצייכנט און גערעדט וועגן סטאַלינען: „פאָטער פון די

פעלקער", „אויפגײיענדיקע זון", „באַליבטער פירער". צו זיין 70טן געבוירנטאָג האָט דער רוסישער פּאַטריאַרך אלעקסיי געשריבן וועגן אים ווי „אַ פירער וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך גאָט". זיין נאָמען איז נאָך ביים לעבן פאַראייביקט געוואָרן מיט אָנרופן שטעט, הונדערטער פאַבריקן, קאָלכאָזן, צענטראַלע גאַסן און גרויסע אונטערנעמונגען. נאָך ביים לעבן זענען איבער דער לענג און ברייט פון גרויסן לאַנד אויפגעשטעלט געוואָרן זיינע דענקמעלער און ביוסטן. אַלע אויפטוען פון דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער מלוכה און די נצחונות אויף די מלחמה־פראָנטן, זענען צוגעשריבן געוואָרן סטאַלינס זשעני, זיין מיליטערישער סטראַטעגיע. די פינפיאָר־פּלענער זענען אָנגערופן געוואָרן נישט אַנדערש ווי „סטאַלינישע פּיאַטילעטקעס". דאָס פאָלק האָט ווי נישט עקזיסטירט — און אויב ס'איז יאָ דערמאָנט געוואָרן, איז נאָר אויף צו דעמאָנסטרירן דעם בלינדן גלויבן אין אים...

אין יענע יאָרן פון דעם א. ג. פּערזאָנען־קולט, האָט נישט איין פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד געטראַכט מיט ציטער און זאָרג: וואָס וועט געשען, אויב סטאַלין וועט שטאַרבן? (צומאַרגנס נאָך זיין טויט, האָט משה סנה געשריבן: „ס'איז אַראָפּגעפאַלן די קרוין פון אונדזער קאָפּ... דאָס יידישע פאָלק איז פאַריתומט געוואָרן פון זיין גרויסן פריינד סטאַלין"). ווייל דאָס סאָוויעטישע פאָלק האָט דעם 6טן מערץ 1953 זיך דערפילט נישט נאָר פאַריתומט, נאָר איז אויך געווען פאַרלוירן און דעזאָריענטירט. די קאַלטע מלחמה און די פאַרשאַרפטע באַציאונגען צווישןביידע וועלט־בלאָקן, זענען דאַן געווען אין פולן ברען. די מערב־וועלט איז אין פסס"ר פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי ווּעלף וואָס אָט־אָט וועלן זיי זיך וואַרפן אויפן ראַטן־פאַרבאַנד און אים פאַרצוקן. נאָר אַ דאַנק סטאַלינס קלוגער פּאָליטיק, איז אַמעריקע געצוימט געוואָרן. איצט, נאָכן טויט פון מנהיג, וועט ווער פון זיינע יורשים זיין מסוגל צו פירן די סאָוויעטישע שיף אויף אַזא צעשטורעמטן ים?

☆

אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט מען אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זייער אָפט ציטירט סטאַלינס אַ ווערטל „ניעזאַמיעניִמיך ליודיעי ניעט" („נישטאָ קיין אומפּאַרבייטבאַרע מענטשן"). דעם טיפן זין פון דעם זאָג האָט מען פאַרשטאַנען ערשט שפּעטער, נאָך דעם ווי די כמעט גאַנצע אַלטע גוואַרדיע באָלשעוויקעס, וועמענס נעמען זענען דורכן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט דערמאָנט געוואָרן מיטן גרעסטן יראת־הכבוד; פעיקע גענעראַלן; געוועזענע פאָלקס־קאָמיסאַרן; צענטליקער און הונדערטער טויזנטער ערלעכע סאָוויעטישע בירגער — פּאַרטיי־חברים און טרייע פּאַטריאָטן, זענען מיט און אָן פּראָצעסן דערשאָסן געוואָרן אָדער פאַרשפּאַרט אויף לאַנגע לאַנגע יאָרן אין די תפיסות און לאַגערן און דאָרט מאַסנווייז אויסגעשטאָרבן. יאָ, זיי זענען פאַרביטן געוואָרן דורך אַנדערע. און דערנאָך האָט אויך די אַנדערע געטראָפן דער גורל פון זייערע פאָרגייער. אַ בלוטיקע „חד־גדיא", וואָס האָט אויסגעבלוטיקט די סאָוויעטישע מדינה און אויסגעליידיקט פון יעטוועדן אינהאַלט דעם קאָמוניסטישן אידעאַל. פונדעסטוועגן האָט דאָס 200־מיליאָניקע פאָלק איבערגעטראָגן אַלע אינערלעכע פורעניותן און העלדיש אויסגעטראָגן די 4־יאַריקע מלחמה מיטן היטלעריסטישן אַגרעסאָר. די אומגעבראַכטע און פאַרשפּאַרטע האָבן יאָ געהאַט נאָכפאָלגער — אָבער ווער וועט פאַרטרעטן דעם געשטאָרבענעם און פאַרגעטערטן פירער?

נאָך מיט 10 יאָר צוריק האָט ניקיטאַ סערגייעוויטש כרושטשאָוו פאַרשטאַנען, אַז ביים איבערנעמען סטאַלינס אַמט, מוז מען לכתחילה אויסמיידן זיין שיטה. דער ערשטער שריט איז געווען: קאָלעקטיווע אָנפירונג. כרושטשאָוו האָט זיך באַגנוגנט מיטן אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איבערלאָזנדיק דעם פרעמיער־פּאָטעל פאַרן מאַרשאַל בולגאַנין. דאָס שנעלע און דראַסטישע ליקווידירן בעריאַן, דעם דירעקטן פאַראַנטוואָרטלעכן פאַרן טעראָר און רציחות איבער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן

— איז געווען אַ דערמוטיקנדיקער אָנזאָג פון אָפּטרייסלען זיך פון די סטאַליניסטישע מעטאָדן. גלייכצייטיק האָט מען אָנגעהויבן באַפרייען פון די תפיסות און לאַגערן די קרבנות פונעם סטאַלין־בעריא רעזשים. און די וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו דעם מאָמענט, האָט מען נאָכן טויט רעהאַביליטירט. די „געהיימע רעדע" פון כרושטשאָוון אויפן 20סטן פּאַרטיי־קאָנגרעס אין יאָר 1956, האָט ענטגילטיק צעשמעטערט די לעגענדע סטאַלין: דער „פּאָטער פון די פעלקער" איז באַצייכנט געוואָרן אַלס רוצח פון פעלקער און פאַרן געוועזענעם פאַרגעטערטן מנהיג האָט מען נישט געפונען קיין אַנדערע אויסדריקן, ווי „סאַטראַפּ", „דיקטאַטאָר", „הענקער"... די סאָוויעטישע פעלקער און די פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד אויסער זיינע גרענעצן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט און אויפריכטיק געווען איבערצייגט, אַז די געגאַרטע ענדערונג קומט יאָ...

און די ענדערונג איז געקומען. די אָפּגעלאָפענע 10 יאָר זינט סטאַלינס טויט, האָבן דער סאָוויעטישער מדינה געגעבן אַ ריי יסודותדיקע דערגרייכונגען, וועגן וועלכע מ׳האָט נישט געקאָנט חלומען בימי סטאַלין. די לאַנגזאַמע ליבעראַליזאַציע און וואַקלדיקע דעמאָקראַטיזאַציע האָבן ניט געשטערט דעם ראַטן־פאַרבאַנד מיליטעריש צו פאַרפעסטיקן זיך, פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער פאָרשונג און פּראַקטישער דעראָבערונג פון חלל, הייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון דער באַפעלקערונג און דערגריין צו איינער פון די צוויי גרויסמאַכטן אין דער וועלט. אמת, די דאָזיקע דערגרייכונגען זענען נישט געקומען מיט איינמאָל און לויט אָנגעצייכנטע פּלענער און פאַרלאַנגען. כרושטשאָוו האָט שפּעטער איבערגענומען אויך דעם פּרעמיער־אַמט פון בולגאַנינען, נאָך דעם ווי דער לעצטער איז צוזאַמען מיט קאַגאַנאָוויטשן, מאַלענקאָוון און מאָלאָטאָוון באַזייטיקט געוואָרן אַלס „אַנטי־פּאַרטייאישע גרופּע". (דערביי האָט קיין איין סאָוויעטישע צייטונג נישט געבראַכט די אַרגומענטן און טענות פון די באַזייטיקטע...) דאָס קאָנצענטרירן דורך איין מענטש אַזעלכע צוויי אַמטן, ווי גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און פּאַרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט, האָט באַוויזן, אַז דער זעלבער כרושטשאָוו, וואָס האָט אַזוי העפטיק געקעמפט פאַר דע־צענטראַליזאַציע אין דער סאָוויעטישער עקאָנאָמיק, איז נוטה, אויפן מוסטער פון סטאַלינען, צו פאַרנעמען די צוויי וויכטיקסטע פּאָזיציעס. אַז מיר וועלן נאָך צו דעם צוגעבן די זייער אָפטע און פאַרהעלטניסמעסיק צאָלרייכע פּראָצעסן מיט טויט־אורטיילן קעגן דעפראַודאַנטן, כאַבאַר־נעמער, שפּעקולאַנטן און צעטרענצלער פון מלוכהשן פאַרמעגן, וועט מען מוזן דערגיין צו דער מסקנה, אַז ס׳איז לייכטער געווען סטאַלינען צו באַזייטיקן פון מאַוזאָליי אויפן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע, אָבער זייער שווער איז אויסצוואָרצלען דעם סטאַליניזם פון דער מענטאַליטעט און יוסטיץ־סיסטעם פון דער איצטיקער סאָוויעטישער אָנפירונג.

ווי עס קריסטלט זיך — אַזוי יידלט זיך... די אַלע צאָלרייכע פּאָזיטיווע ענדערונגען מיט זייערע נעגאַטיווע באַגלייט־דערשיינונגען אויף דער אַלגעמיינער סאָוויעטישער גאַס, האָבן געהאַט זייער גילגול אויך אויף דער יידישער גאַס. אָבער נישט מיט אַזאַ אייפער, פאַרנעם און קאָנסעקווענטקייט, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין כרושטשאָווס „געהיימער רעדע" מיט 6 יאָר צוריק — ווייל דאָן, און אויך שפּעטער, איז קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן מיט קיין אָפיציעל וואָרט דאָס אויסמאָרדן די יידישע קולטור און ליטעראַטור. פונדעסטוועגן דאַרף מען גינסטיק אויפנעמען דאָס דערשיינען פון דער 2־חודש־שריפט אין יידיש „סאָוויעטיש היימלאַנד", די באַנייטע טעטיקייט פון עטלעכע קינסטלערישע אַנסאַמבלען וואָס טרעטן אויף מיט יידיש־פּראָגראַמען און... דאָס אָפטע פאַרענטפערן זיך פון כרושטשאָוון, גראָד פאַר דער מערבדיקער וועלט, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם... וועגן דעם אַלעמען איז זיך נישט געווען פאַרצושטעלן אין די יאָרן פון סטאַלינס הערשאַפט.

דאָך איז שווער צו באַפרייען זיך פון דעם געפיל, אַז די דע־סטאַליניזאַציע האָט ווייניק אָנגערירט די סאָוויעטישע פּאָליטיק כלפּי דער יידישער מינדערהייט דאָרט און אָוודאי און אָוודאי — כלפּי מדינת ישראל. מיט קליינע אויסנאַמען און ענדערונגען, איז דער יידישער און ישׂראלדיקער פּראָנט אין רוסלאַנד נאָך עלול אַרויסצורופן זאָרג ביי יעדן נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקן ייד אין דער וועלט און אין אונדזער מדינה. (י״ש ת״א, 13.3.63)

# כרושטשאָוו אין קאַיר

„ס'האָט געקענט זיין ערגער" — טרייסטן זיך יידן נאָך אַ שלעכטער ידיעה. מיט אַ ענלעכער „דערלייכטערונג" איז אויפגענומען געוואָרן די דעקלאַראַציע כרושטשאָוו־נאַצער, נאָכן 16־טאָגיקן באַזוך פון סאָוויעטישן פּרעמיער אין מצרים. אין דעם קאַירער פּאָליטישן דאָקומענט, פאַרעפנטלעכט דעם 24טן מאַי 1964, הערן מיר נישט קיין ספּעציעל שאַרפע אַנטי־ישׂראלדיקע טענער. נאָר די שטעלן וואָס זענען יאָ נוגע אונדז, באַווייזן, אַז מאָסקווע און קאַיר זענען נאָך ווייט פון צו געבן ירושלים דעם זעלבן מעמד און אָנערקענונג ווי אַנדערע מדינות.

מיט אַן אומהיימלעך געפיל האָבן מיר נאָכגעפאָלגט די אַרויסטרעטונגען פון סאָוויעטישן פּרעמיער. טראָץ די ביז־איצטיקע אנטוישונגען פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק כלפּי מדינת ישראל, האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז כרושטשאָוס נאָענטקייט צו אונדזער גרענעץ וועט אים אפשר דערנענטערן צו אונדזער שטאַנדפּונקט. אָבער דעם פּרעזידענט פון מצרים און זיין הויכגעשטעלטן גאַסט איז גרינגער אָנגעקומען צו ענדערן דעם פלוס און קאָריטע פון אַלטן נילוס מיטן אויפשטעלן די אסואַן־דאמבע, ווי ענדערן זייער טאָן און איינשטעלונג כלפּי דער יידישער מדינה. אויף דעם אָפּשניט זענען ביידע מנהיגים געבליבן ביי זייערע דאָגמאַטישע איינשטעלונגען.

ס'וואָלט געווען אַ פעלשונג און אַן אומרעכט צו זען בלויז נעגאַטיווס אין כרושטשאָווס וויזיט אין עגיפּטן, אַפילו ווען דער ישׂראלדיקער סך־הכל איז נישט קיין דערמוטיקנדיקער. דער באַריידעוודיקער סאָוויעטישער פּרעמיער האָט אין זיינע פילצאָליקע אַרויסטרעטונגען איבערגעחזרט די טעאָריעס וועגן קאָעקזיסטענץ און שלום, וועגן סאָוויעטישער הילף פאַר אונטערדריקטע פעלקער און נייטיקייט צו קעמפן מיטן אימפּעריאַליזם.

די בשותּפותדיקע דעקלאַראַציע דערמאָנט אויך ווייטערדיקע סאָוויעטישע הילף (אַן הלוואה פון 270 מיליאָן דאָלאַר!), כדי צו רעאַליזירן דעם צווייטן, מצרישן פינפיאָר־פּלאַן. און ס'איז נישט פון די קליינע סאָוויעטישע אויפטוען אין עגיפּטן דאָס אויפשטעלן די אַסואַן־דאַמבע, פאַרבונדן מיט אַ ריזיקער טעכנאָלאָגיש־פינאַנסיעלער אינוועסטיציע, אַ דאַנק וועלכער נאַצער וועט באַקומען אַ פאַרטיקן „דניעפּראָסטראָי" — אַ קוואַל פאַר באַוואַסערונג און עלעקטרישן כוח.

דער עצם פאַקט וואָס די העכסטע פּאָליטישע אויטאָריטעט פון פסס״ר האָט מיט אַ גרויסער פמליה און מיט דער נאָענטער משפּחה זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַזאַ ווייטן וועג (מיטן ים!) קיין מצרים, כדי דאָרט פאַרברענגען אַזש 16 טעג, בעת געוויסע אַנטוויקלונגען אין קובאַ, לאַאָס און די געשפּאַנטע באַציאונגען צווישן מאָסקווע און פּעקין פאָדערן גיכער כרושטשאָווס אָנוועזנהייט אין קרעמעל, באַווייזן די חשיבות פון קאַיר פאַר דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַטיע און דעם אויבנאָן אין דער אַזיאַטיש־אַפריקאַנער־אַראַבישער וועלט, וועלכן כרושטשאָוו האָט אויסגעטיילט פאַר נאַצערן.

אָבער נישט אין אַלע פראַגן האָט געהערשט אַן אידיליע צווישן ביידע פּאָליטיקער.

אַזוי איז אונדז שטאַרק געפעלן געוואָרן דער „קאַלטער טוש״ מיט וועלכן כרושטשאָוו האָט מכבד געווען נאַצערן בנוגע אַרבעטער־איינהייט, קלאַסן־סאָלידאַריטעט און געמיינזאַמע פּראָלעטאַרישע אינטערעסן צווישן דעם אַראַבישן פעלאַך מיטן אַרבעטנדיקן פאָלק פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד און אַנדערע לענדער — אַלס קעגנגעוויכט דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם און אַראַבישער איינהייט. אַ סברה, אַז כרושטשאָוו האָט ביים פאַרטיידיקן זיינעם אַ שטאַנד־פּונקט, וויייניק זיך גערעכנט מיטן „דיפּלאָמאַטישן פּראָטאָקאָל״ און געזאָגט נאַצערן וואָס ער האָט באַדאַרפט צו זאָגן. בלויז ביי דעם ישראל־פּראָבלעם איז דער סאָוויעטישער פּרעמיער געבליבן טריי זיין אַלטער (און פאַרעלטערטער!) שטעלונג — און דער וויזיט וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ פאַרשטאַרקטער געווער־ליפערונג פאַר נאַצערן, וואָס האָט אַ ברירה צו זיין פיל געפערלעכער ווי די שאַרפסטע אַנטי־ישראל־דעקלאַראַציעס. דעריבער איז וויכטיק אונטערצושטרייכן נישט נאָר דאָס וואָס ס׳איז געזאָגט געוואָרן, נאָר אויך דאָס וואָס מ׳האָט פאַרקריפּלט, און דער עיקר — וואָס מ׳האָט פאַרשוויגן בעת די געשפּרעכן פונעם סאָוויעטישן פּרעמיער מיטן מצרישן פּרעזידענט.

דער מצרישער דיקטאַטאָר איז דערווייל קעגן אַ מלחמה מיט ישראל. ער ווייסט, אַז אַ מלחמה קען מען אויך פאַרשפּילן. ער וויל נישט איבערחזרן די פעלערן פון יאָר 1948. דער ענין קריג מיט דער יידישער מדינה איז ביי אים אַן ענין פון צייט. און אויך פון — פּאָליטיק. כל־זמן דער מערב מיטן מזרח פאַרמעסטן זיך משפּיע צו זיין אויף לענדער און גאַנצע ראַיאָנען, וועט נאַצער קענען שעפּן מיט פולע הויפנס מאַטעריעלע, מיליטערישע און פּאָליטישע הילף פון מאָסקווע און פון וואַשינגטאָן, כדי פאַרפעסטיקן מצרים, צוגרייטן זי צו דער „ענטגילטיקער שלאַכט״. דאָס איז נאַצערס טעאָריע „אויף איין פוס״ און זי איז גוט באַקאַנט די סאָוויעטישע פּאָליטיקער. פונדעסטוועגן טיילט מאָסקווע מיט אַ ברייטער האַנט, און אָן באַדינגונגען, אַלזייטיקע הילף. און נישט קיין פאַרלעגענע סחורה פון די אַרסענאַלן, נאָר די מאָדערנסטע קריגס־עראָפּלאַנען, טאַנקן, האַרמאַטן און געלענקטע ראַקעטעס. מיר האָבן נישט באַדאַרפט וואַרטן אויף פּרעמיער אשכולס דערקלערונג אין כנסת, אַז געווער פאַר מצרים היינט־צו־טאָג האָט נישט קיין אַנטי־אימפּעריאַליסטישע צי נאַציאָנאַל־באַפרייערי־שע אויפגאַבע, נאָר איז בפירוש באַשטימט פאַר אַגרעסיע קעגן ישראל.

ס׳איז נישט קיין סוד, אַז מיט דער 700 מיליאָניקער כינע, האָט איצט כרושטשאָוו מער קאָפּ־ברעכעניש ווי מיט דער 2־מיליאָניקער ישראל און זיין רייזע קיין קאַיר האָט אויך באַדאַרפט זיין אַן ענטפער און קעגנגעוויכט כלפּי פּעקין. פונדעסטוועגן איז אין דער געמיינ־זאַמער דעקלאַראַציע נישט דערמאָנט געוואָרן פאָלקס־כינע מיט קיין איין וואָרט, בעת פאַר ישראל איז געבליבן די באַצייכענונג „אַגענטין פון אימפּעריאַליזם״. דאָס מיינט, אַז די מלחמה מיט וואַשינגטאָן, ווי מיט פּעקין, ווי די ליבע צו קאַיר, דאַרפן געפירט ווערן אויפן חשבון פון דער יידישער מדינה. מיר ווילן אָבער נישט צאָלן דעם דאָזיקן חשבון. אויב ס׳איז ריכטיק דאָס ווערטל, אַז יידן זענען שטענדיק געווען דער אייל וואָס האָט געשמירט די רעדער פון דער רעוואָלוציע — מוז נישט היינט די יידישע מדינה דינען אַלס „אַרגומענט״ פאַר אַן אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פון אַ גרויסמאַכט. איבערחזרן אין יאָר 1964 די אויס־געדראָשענע פאָרמולע „אימפּעריאַליסטישער אַגענט״ איז מערער פּוגע בכבוד אין סאָוויעטישן מנהיג, ווי אין מדינת ישראל. קיין סך שאָדן קען דאָס אונדז נישט ברענגען — אָבער פאַרסירן אַ יידיש־אַראַבישע פאַרשטענדיקונג וועט דאָס נישט.

### וואָס איז פאַרשוויגן געוואָרן?

„אין אַ שטוב פון אַ געהאָנגענעם טאָר מען נישט ריידן וועגן אויפהענגען דעם ראָק״ — זאָגט אַ יידיש פאָלקסווערטל. און כרושטשאָוו האָט דעם זאָג אָפּגעהיטן מיט דער גרעסטער

קפדנות. מצרים, פּונקט ווי אייניקע דרום־אַמעריקאַנער לענדער, זענען געוואָרן די וויכטיקסטע
מקלטים פאַר געזוכטע און שוין פאַרמשפּטע נאַצי־פאַרברעכערס. גרויס איז די צאָל היטלע־
ריסטישע רוצחים, וועלכע האָבן אין לאַנד פון נילוס געפונען אַ זיכערן ברעג, גוטע פּאָסטנס
און אַפילו אַ מעגלעכקייט פאָרצוזעצן זייער נאַצישע טעטיקייט אויפן אַנטי־ישראלדיקן
פראָנט. נישט נאָר אין אַ ריי עגיפּטישע מיניסטעריומס זענען טעטיק פאַרשיידענע דייטשע
מומחים, נאָר הונדערטער וויסנשאַפטלער, אינזשיניערן, טעכניקער און דערפינדער פון מערב־
דייטשלאַנד זענען הינטער קאַיר באַשעפטיקט ביים אויסאַרבעטן ראַקעטעס, אַטאָם־וואָפן,
דזשעט־עראָפּלאַנען. פּונקט ווי דער בירגער־קריג אין שפּאַניע אין יאָר 1936, האָט געגעבן
אַ מעגלעכקייט היטלערן און מוסאָלינין אויסצופּרוּוון זייער אוויאַציע און לערנען אַ פּרק
מאָדערנע קריגס־פירונג, אַזוי מיינט די טעטיקייט פון די דייטשע וויסנשאַפטלער אין
קאַיר — אַן עקספּערימענטאַלע לאַבאָראַטאָריע און ממשותדיקע קוזניע צו באַוואָפענען נישט
נאָר מצרים, נאָר אויך... באָן. אַדענאַוער, פּונקט ווי איצט ערהאַרד, ווייסן, אַז מע וועט זיי
נישט דערלויבן אויסצואַרבעטן ביי זיך די סאָרטן געווער וואָס ווערן געגרייט דורך זייערע
ספּעציאַליסטן אין מצרים. הגם דירעקט איז די געפאַר פון דער דייטשער געווער־פּראָדוקציע
נוגע מדינת ישראל, האָט זי אָבער, אויף אַ ווייטערע מעטע, נישט קיין קלענערן שייכות
צום ראַטן־פאַרבאַנד. אויך וועגן דעם ווייסט כרושטשאָוו אויסגעצייכנט — דאָך האָט ער
פאַרשוויגן דעם גאַסטפריינטלעכן אַזיל פאַר די קריגס־פאַרברעכער און די באַנייאונג פון
דער דייטשער מיליטערישער אינדוסטריע אויף מצרישער ערד.

כרושטשאָווס באַזוך אין מצרים האָט נישט געגעבן די אַראַבער מער, ווי פאַר זיין קומען
צו די אסואַן־פייערונגען. זיין טאָן איז געווען אַ געבוג צוריקגעהאַלטענער און פאָרזיכטיקער.
דער עצם פאַקט וואָס די אַראַבישע איבערזעצערס פון כרושטשאָווס רעדעס פאַרן ראַדיאָ,
פאַר דער פּרעסע און פאַרן המון, האָבן געמוזט פעלשן געוויסע שטעלן, באַווייזט, אַז דער
סאָוויעטישער מנהיג ליגט נאָך נישט ביי נאַצערן אין וועסטל־קעשענע און איז
נישט גרייט מיט אַלעמען צו געפעלן דעם קאַירער הערשער. נאָר דאָך קענסטו
זיך נישט באַפרייען פון אַ שווער געפיל: הלמאי קומט נישט כרושטשאָוו אויף
אַ באַזוך אויך קיין ירושלים? פאַרוואָס זענען נאָך נישט צוריקגעשטעלט געוואָרן
די נאָרמאַלע האַנדלס־באַציאונגען צווישן ישראל און פסס״ר, ווי זיי זענען געווען
פאַר דער סועץ־קאַמפּאַניע? האָט דאָך כרושטשאָוו אַליין געזאָגט אין פּאָרט־סאַיד, אַז אין
1956 יאָר זענען ענגלאַנד און פראַנקרייך באַפאַלן מצרים און ישראל האָט זיך בלויז נאָכגע־
שלעפּט — מוז טאָקע די שטראָף פאַרן נאָכשלעפּער זיין אַ האַרבערע און ריקזיכטלאָזע
ווי פאַר די איניציאַטאָרן און הויפּט־אָנפאַלער? לאָנדאָן און פאַריז האָבן דאָך שוין צוריקגע־
שטעלט זייערע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט קאַיר, מאָסקווע האָט כלפּיביידע אייראָ־
פּעישע מדינות נישט אָנגעווענדט קיין שום עקאָנאָמישע צי פּאָליטישע סאַנקציעס — און
נאָר בלויז צו דער קליינער ישראל, וועלכע האָט אַרום זיך אַזאַ פיינטלעכן אַרום, ווייזט
מען אַרויס עקשנות און קעגנערשאַפט.

מיר האָבן נישט איינמאָל אָנגעוויזן אויף דער פעלערהאַפטער ישראלדיקער אויסערן־
פּאָליטיק און געפאָדערט אַן ענדערונג. סימנים פון אַזאַ ענדערונג מערקן זיך. פון די סאָציאַ־
ליסטישע לענדער האָט מען אָפט אַרויסגעפילט דעם רמז, אַז אויב בן־גוריון וועט אַוועק, איז
מעגלעך אַ שינוי אין זייער באַציאונג צו ישראל. שוין באַלד אַ יאָר ווי אשכול פאַרנעמט דעם
פּרעמיער־אַמט און ווינציקסטנס זיין טאָן איז אַן אַנדערער ווי פון זיין פאָרגייער. דער עצם
פאַקט וואָס ביי אונדז איז אַ דעמאָקראַטישער רעזשים, מיט אַן אָפּאָזיציע און פרייער פּרעסע,
איז דאָך זיכער אַ גרעסערע גאַראַנטיע צי אויסזיכט צום ענדערן, איידער ביי נאַצערן, ווו דער
רעזשים איז אַ טאָטאַליטאַרער, מיט אַלע זיינע נעגאַטיווע באַגלייט־דערשיינונגען. ביי כרושט־

שאָוס אַ וויזיט אין ישראל, וואָלט מען נישט באַדאַרפט אים אונטערטראָגן אַזאַ סאָרט „מתנה" ווי דאָס באַפרייען אַרעסטירטע קאָמוניסטן...

די סאָוויעטישע „שטראָף־עקספּעדיציע" כלפּי מדינת ישראל דויערט צו לאַנג, זי איז פול מיט עוולות און דיסקרימינאַציעס. זי מוז געענדערט ווערן. אַן ענדערונג איז מאָסקווע וועט אומבאַדינגט משפּיע זיין אויף ירושלים און העלפן אויך קאַיר זיך אָפּקילן פון אירע אגרעסיע־פּלענער כלפּי ישראל. (י״ש ת״א, יוני 1964)

## נוסח וואַרשע און נוסח מאָסקווע

ערשט נישט לאַנג האָט אין וואַרשע זיך פאַרענדיקט דער פינפטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן. און מיט עטלעכע טעג צוריק, האָט אַן ענגלישע צייטונג געבראַכט די ידיעה, אַז די סאָוויעטן גרייטן זיך אויפצושטעלן — לשם נסיון — אַ יידישע שול, ווו אונדזערע שלמהלעך און יאָסעלעך וועלן קאָנען לערנען אין זייער שפּראַך. באַקענענדיק זיך מיטן פאַרלויף און דיסקוסיעס פון דעם אייגנאַרטיקן צוזאַמענ־פאָר אין דער הויפּטשטאָט פון פוילן, אַנטקעגן דער ניט־באַשטעטיקטער און ניט־אָפיציעלער נייעס פון מאָסקווע — בעט זיך ממש מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן די צוויי לענדער און שטעלן די פראַגן: פאַר וואָס אַזאַ עקסטרעמער און אַפילו קעגנזעצלעכער צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע בכלל און צו זייערע היימישע יידן בפרט? פאַר וואָס איז דער נוסח וואַרשע אַזוי גינסטיק פאַר יידן און דער נוסח מאָסקווע — בייזוויליק, להכעיסדיק?

ביידע מדינות טענה׳ן, אַז זיי שפּאַנען אויפן וועג צום סאָציאַליזם און אַז אין באַצוג צו דער יידן־פראַגע, ווענדן זיי אָן די „לעניניסטישע נאָרמעס". און הגם פוילן האָט איר „אָקטאָבער" אַדורכגעמאַכט מיט 27 יאָר שפּעטער, האָט זי אָבער אויפן „יידישן פראָנט" איבערגעיאָגט דעם עלטערן ברודער, ראַטן־פאַרבאַנד, — מיט עטלעכע דורות. ווייל דער קליינטשיקער יידישער ישוב אין פוילן פירט אַן אינטענסיווע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין די ראַמען פון די אייגענע אינסטיטוציעס, וואָס ווערן מיט אַ ברייטער האַנט אויסגעהאַלטן דורך דער פּוילישער רעגירונג; די זעלבע רעגירונג דערלויבט אַ יידן פון קראָקע ציִ ווראָצלאַוו, לובלין צי וואַרשע, עולה זיין אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה און אירע פריינדלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבישע לענדער באַגלייט זי נישט מיט אַנטי־ישראלדיקע דעקלאַראַציעס. דאַקעגן הערשט אויפן קולטור־געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן פראָנט פונעם צוויי און אַ האַלב מיליאָניקן יידישן ישוב אין ראַטן־פאַרבאַנד — אַ שטילקייט און שטייפקייט. די איינציקע „הויכע טענער" זענען בייזע אַרטיקלען אין דער סאָוויעטישער פרעסע, פאַראורטיילנדיקע דערקלערונגען פון סאָוויעטישע מלוכה־מענער אויפן אַדרעס פון מדינת ישראל. נאָר איבער אַלעמען דאָמינירט זייער באַציאונג צום אייגענעם יידישן ישוב, מיט וועלכער אפילו געוויסע קאָמוניסטישע פאַרטייען זענען ניט מסכים...

מאָדנע געפילן באַהערשן דיך, ביים לייענען דעם באַריכט פונעם יידישן צוזאַמענפאָר אין וואַרשע. חורבן פוילן אין צווייטן וועלט־קריג, איז פאַר אַלעמען געווען דער חורבן פון פּוילישן יידנטום. אָבער צומאַרגנס נאָך דער באַפרייאונג, איז אויף דער מיט בלוט דורכגעווייקטער פּוילישער ערד פאָרגעקומען דער מערקווירדיקער רענעסאַנס פון דער שארית־הפליטה. צעבראָכן גייסטיק און פיזיש, האָט זי גלייך אָנגעהויבן איינשטעלן אירע געזעלשאַפטלעכע און אפילו פּאָליטישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, ווי אַ נאַטירלעכער המשך פון יענער שפּרודלדיקער אַקטיוויטעט וואָס איז געווען אייגנטימלעך דעם פאַרמלחמהדיקן יידישן ישוב

אין פוילן. דעם רוב פּאַרטייען וואָס האָבן עקזיסטירט ביזן יאָר 1939 — איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט צו פירן זייער טעטיקייט. די גרענעצן זענען געעפנט געוואָרן פאַר ייִדן, וועלכע האָבן געוואָלט עולה זיין קיין ארץ־ישראל. הילף די רעפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד און די וואָס זענען אַרויס פון די לאַגערן, בונקערס, וועלדער און אַרישע זייט — האָט די רעגירונג פון נייעם פוילן געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט. יעדע פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אירס אַ צייטונג, אפילו אין צוויי שפּראַכן — יידיש און פויליש. קיבוצים, הכשרה־פּונקטן, יידישע קאָאָפּעראַטיוון, ביבליאָטעקן, קלובן און אַן אָפּן, אומגעשטערט רעליגיעז לעבן — איז געווען דער סימן מובהק פון באַנייטן דינאַמישן לעבן פונעם צעשמעטערטן יידישן ישוב, וועלכער איז דערצו נאָך געווען אין אַ צושטאַנד פון פּערמאַנענטער פליסיקייט און באַוועגלעכקייט, פון אויסוואַנדע־רונג און איינוואַנדערונג.

ביז ס׳איז געקומען דאָס יאָר 1950, ווען די ציוניסטישע פּאַרטייען זענען פאַרבאָטן געוואָרן און דאָס יידישע לעבן איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער נייער תקופה. מ׳האָט אָבער געוווּסט, אַז גיכער איז דאָס געווען דער אויפטו, השפעה, דרוק און בייזע ווינטן וואָס האָבן אַ בלאָז געטאָן פון מאָסקווע, ווו ס׳איז אויפגעלייזט געוואָרן דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט און ס׳האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן די מאָרד־מלאכה איבער די יידישע שרייבער און קינסטלער. נאָר אויב אין מאָסקווע איז דער אַנטי־יידישער טעראָר באַגלייט געוואָרן מיט אָפּשטעלן אפילו די איינציקע יידישע צייטונג „אייניקייט", און מיט פּרווון אויסוואָרצלען די במילא טראַגישע רעשטלעך פון אַ יידיש לעבן — איז אין פוילן דערשינען אַ יידישע פּרעסע, דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט איז אָנגעגאַנגען מיט זיין געבענטשטער אַרבעט, אין יידישע שולן האָבן אונדזערע קינדער געלערנט אַ „יידיש וואָרט", די פּראָדוקציע פון יידישער ביכער איז אָפּטמאָל איבערגעשטיגן געוויסע מערב־לענדער מיט אַ יידישן קיבוץ פון הונדערטער טויזנטער, אויב ניט מיליאָנען.

אין יענער פינצטערער תקופה פון א. ג. פּערזאָנען־קולט, פון וועלכן ס׳האָט אָמיינסטן געליטן דער יידישער ציבור אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער (סלאַנסקי־פּראָצעס אין טשעכאָסלאָוואַקיע, דאָס באַזייטיקן אַנאַ פּאַוקער אין רומעניע אדג"ל) — איז פוילן נאָך אַלץ געווען דער איינציקער יידישער אָאַזיס אינעם מדבר פון אַנטי־יידישער פאַרלייקענונג, העצע און פאַרפאָלגונגען אין אַ ריי סאָציאַליסטישע לענדער. אַזוי ביז סטאַלינס טויט. נאָך בעת פון דער דע־סטאַליניזאַציע אין פוילן איז דער אָרטיקער יידישער ישוב אַרויס, אין נאַציאָנאַלן זין — אַ געשטאַרקטער, און כ׳וואָלט געזאָגט, אויך קלוגער, איז אין ראַטן־פאַרבאַנד, מיטן אויסנאַם פון דעם חודש־זשורנאַל „סאָוויעטיש היימלאַנד", וועלכער איז, ווי באַוווּסט, געבוירן געוואָרן נאָך זייער לאַנגע און שווערע ליידן, האָט זיך אויפן יידישן פראָנט קיין סך ניט געענדערט. און אַזוי פירן זיך די ענינים ביזן היינטיקן טאָג.

מאי קא משמע לן אין פוילן? וועלכע בשורות טראָגן זיך פונעם לאַנד אויף דער ווייסל, ווו יידן האָבן היינטער זיך אַ געשיכטע פון טויזנט יאָר און אַ שוידערלעכע תקופה פון 6 יאָר אוישוויץ און מיידאַנעק?

כדאַי צו באַקענען זיך מיט אַ ביסל ציפערן און פאַקטן:

ביי אַ 30 טויזנט יידן וווינען היינט אין פוילן און אַ 5 טויזנט רעכנט מען אַלס אנוסים. דער „ביאָלאָגישער באַשטאַנד" זייערער איז אין רוב פון 60־יאָריקע און ביז 18 יאָר. די מיטליאָריקע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ישראל, צי אין אַנדערע לענדער. יידן בילדן די דריטע נאַציאָנאַלע מינדערהייט נאָך די אוקראַינער (180 טויזנט) און ווייסרוסן (165 טויזנט). אין וואַרשע גופא געפינען זיך אַ 8־10 טויזנט יידן. אויפן צווייטן אָרט קומט וראָצלאַוו.

16 קאָאָפּעראַטיוון גיבן באַשעפטיקונג טויזנטער יידישע מענער און פרויען. דער קאָ־אָפּעראַטיוו „אָפּטימא" אין וואַרשע האָט מיט 5 יאָר צוריק אָנגעהויבן מיט 30 מיטגלידער און באַשעפטיקט היינט — 320. דערפון 240 אַרבעטן ביי זיך אין דער היים, אַלס כאַלופּניקעס. דאָס זענען עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן אין „אָפּטימא" אַ מקור פון פרנסה און אַרבעט. ניט ווייט פון שטשעטשין איז אויך פאַראַן אַ יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו.

מיט פרנסה איז דער יידישער ישוב אין פוילן באַזאָרגט. עס פעלט אים אָבער אויך ניט קיין גייסטיקע שפּייז און אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין דער אייגענער שפּראַך און קולטור. זאָל ער נאָר וועלן דערפון אַזוי פיל געניסן. 4 מאָל אין וואָך דערשיינט אין וואַרשע די „פאָלקס־שטימע", מיט אַ וועכנטלעכער ביילאַגע (אין פויליש) פאַר דער יוגנט. דער פאַרלאַג „יידיש בוך" גיט אַרויס יעדעס יאָר אַ 10־12 ביכער מיט אַ טיראַזש פון 2500 עקזעמפּלאַרן פון אַ בוך. צום פאַרלאַג געהערט אויך דער ליטעראַרישער חודש־זשורנאַל „יידישע שריפטן".

דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע פירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט (אויפן מוסטער פון אונדזער יד ושם אין ירושלים). זינט דעם יאָר 1948, דערשיינען רעגולער זיינע „בלעטער פאַר געשיכטע" און פון יאָר 1950 — אויך אַ פויליש־אויסגאַבע „ביולעטין".

דאָס יידישע טעאַטער אין פוילן, אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון אידאַ קאַמינסקאַ, איז דאָך אַ שם־דבר. צום היינטיקן שלום־עליכם יאָר גרייטן זיי צו שטעלן זעקס פּיעסן פונעם גרויסן שרייבער. איצט שפּילן זיי מיט דערפאָלג „שרה־שיינדל פון יעהופּעץ". ביי יעדער גרעסערער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד איז פאַראַן אַן אַמאַטאָרן־קרייז, אַ כאָר. אַ שטאַרקן דערפאָלג האָבן די יוגנט־כאָרן פון לאָדזש, ליגניץ און שטשעטשין.

אין פוילן פירט זיין טעטיקייט דער „אָרט". אויך דאָס רעליגיעזע לעבן פון גלויביקע יידן ווערט ניט געשטערט. פאַראַן „וואַנדערנדיקע שוחטים" און מצות אויף פסח האָט דאָרט ניט אויסגעפעלט... רעליגיע־לערער אין די יידישע שולן און ליציייען ווערן אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג, גענוי ווי די לערער פון „זאַקאָן" אין די פוילישע שולן.

געבעט־הייזער און שולן, ווי היסטאָרישע יידישע בית הקברותן ווערן רעסטאַווּרירט און אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון דער מלוכה. די טויט־לאַגערן אין כעלמנאָ, טרעבלינקע, מיידאַנעק, אוישוויץ און אַנדערע ערטער פון מאַסן־אומקום — זענען פאַרזען געוואָרן מיט אַנטשפּרעכנדיקע מאָנומענטן און מוזעאומס פון מאַרטיראָלאָגיע. אין אוישוויץ ווערט געגרייט אַ ספּעציעלער יידישער פּאַווילאָן־מוזיי און דער געטאָ־דענקמאָל אין וואַרשע איז ערב דעם 19־טן אַפּריל היי־יאָר רעמאָנטירט געוואָרן.

אַז מיר וועלן נאָך צו דעם צוגעבן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן ישראל און פוילן — וועט דער „יידישער חשבון" נוסח וואַרשע זיין אַ דורכאויס פּאָזיטיווער.

✡

וועלכע בשורות טראָגן זיך פון מאָסקווע ?

אינעם „אַטלאַס פון די פעלקער פון דער וועלט", אויסגאַבע פונעם עטנאָגראַפישן אינסטיטוט ביי דער וויסנשאַפט אַקאַדעמיע פון פססר, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1964 אין מאָסקווע, ווערט אָנגעגעבן די צאָל יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד אויף 2 מיליאָן 384 טויזנט. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן די בוכאַרער יידן — 21 טויזנט, גרוזינער יידן — 37 טויזנט און די באַרג־יידן (קאַווקאַז) — 26 טויזנט. אַלזאָ — אַן אָנגעוויזענע נאַציאָנאַלע מינדערהייט פון אַ 2 מיט אַ האַלבן מיליאָן. מיט אַ וואָסערע דערגרייכונגען אויפן נאַציאָנאַלן פראָנט, קאָן זיך פאָרשטעלן דער דאָזיקער ישוב אין אַ לאַנד, ווו נאַציאָנאַלע קולטורן, טראַדיציעס און היסטאָרישע ווערטן ווערן אַזוי שטאַרק געפלעגט, אָפּגעהיטן און אַנטוויקלט ?

פון יאָר 1948—1955, איז, ווי שוין דערמאָנט, געווען אַ בית־הקברות. דעם אַזוי אויך שוואַכן יש האָט מען עוקר מן השורש געווען. פון 1959, ווען דאָס אייז האָט עטוואָס אַ ריר געטאָן, זענען בסך־הכל דערשינען 8 ביכער אין יידיש, דערפון 3 — פון לעבעדיקע שרייבערס. אין 1961 האָט אָנגעהויבן דערשיינען די צוויי־חודש אויסגאַבע „סאָוויעטיש היימלאַנד", וועלכע איז לעצטנס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חודש־זשורנאַל. איר וועט נאָך צו דעם צוגעבן עטלעכע פאַראייִנצלטע אָוונטן פון יידישן וואָרט און געזאַנג אין מאָסקווע, לענינגראַד, ווילנע, קאָוונע און טשערנאָוויץ — און דער „יידישער בילאַנס" אין דעם רחבותדיקן ראַטן־פאַרבאַנד איז אַן אָפּגעשלאָסענער. נישטאָ מער! טאַקע פּראָטעסטן אויף דער גאַנצער וועלט, ניט־יידישע אינטעלעקטואַלן, פּאָליטיקער און אַרבעטער־טוער זענען ניט משלים מיט אַזאַ דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק, אָבער מאָסקווע שווייגט! זי איז געבליבן טריי איר נוסח. אהרון ווערגעליס באַגנוגנט זיך מיט דעם וואָס ס'איז פאַראַן, און זיינע אפּוטרופּסים — אַוודאי און אַוודאי.

☆

אומקערנדיק זיך צו דער דיסקוסיע אויפן פינפטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין פּוילן, ווערסטו דערשטויגט אָפּטמאָל פון די דרייסטע אַרויס־זאָגונגען פון עטלעכע אָנגעזעענע יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן טריי געדינט דער יעווסעקישער אידעאָלאָגיע — און ערשט איצט איינגעזען, אַז דאָס פינטעלע ייד מוז ניט שטערן דעם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישער בויאונג און אַנטוויקלונג.

ס'איז כדאי זיך צוצוהערן (צוהערן זיך — מיין איך קודם־כל זייערע אידעען־חברים אין מאָסקווע) צו די רייד פון דוד ספּארד: „נישטאָ קיין קעגנזאַץ צווישן אונדזער נאַציאָנאַלער טעטיקייט מיט דעם אַלעמען וואָס קומט פאָר ביי אונדז אין לאַנד"; אָדער: „וואָס מער מיר וועלן באַרייכערן אונדזערע עכטע נאַציאָנאַלע ווערטן, אַלץ ענגער וועלן מיר זיך באַהעפטן מיטן סאָציאַליזם"; און ווייטער: „דאָס פולע אַלזייטיקע אויסלעבן זיך פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט בכלל און פון דער יידישער בפרט — דאַרף זיין אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד קודם־כל די זאָרג פון דער מערהייט".

מיט דוד ספּאַרדס רייד דעקט זיך פולשטענדיק די אַרויסטרעטונג פונעם דעלעגאַט פון וראָצלאַוו, שאַפער: „פאַראַן מענטשן וועלכע באַטראַכטן אונדזער אַרבעט ווי אַ צוריק ציען זיך אין געטאָ... מיר ווילן גיין מיטן פּוילישן פאָלק אויפן וועג פון סאָציאַליזם מיט אונדזער אייגענער שפּראַך און פאָלקס־קולטור... נישט פאַראַן קיין שום סיבות אָפּצוזאָגן זיך פון אונדזער קולטור, אונדזער שפּראַך, צו ליידן פון אַ וועלכן ס'איז מינדערווערטיקייט־געפיל..."

איך שטעל זיך פאָר, ווי אַ ייד אין בערדיטשעוו, כאַרקאָוו, קורסק, לענינגראַד, מאָסקווע און לוואָוו, וואָלט מיט ביידע הענט זיך אונטערגעשריבן אונטער די ווערטער פונעם דעלעגאַט פון זשעלאָנאַ־גורא, ישראל זשימניצקי, וועלכער האָט דערקלערט אויפן צוזאַמענפאָר אין וואַרשע:

„עס שטייט נישט ביי אונדז די פראַגע פון פּראָדוקטיוויזאַציע, פון באַשעפטיקונג. אַלע האָבן מיר פאַרזיכערטע פּרנסה. דאָס וואָס אונדז פעלט, איז אַ יידיש וואָרט, דערוויסן זיך וועגן לעבן פון די יידן אין לאַנד און אין דער וועלט. מיר גאַרן נאָך אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ יידישן שרייבער, אַ יידישן אַרטיסט, הערן אַ רעפעראַט וועגן יידישע פּראָבלעמען..."

און מיכאל מירסקי ענטפערט ווירדיק אָפּ פון דער צוזאַמענפאָר־טריבונע דעם פּראָפעסאָר כאַלאשינסקי, וועלכער האָט אין זיינעם אַ פּאָלעמישן אַרטיקל מיטן פּראָפ' א. שאַף, פאַרנומען אַ ניט־גינסטיקע שטעלונג צו די פּוילישע יידן. עס דערמאָנט זיך ניט עפּעס, אַז ווערגעליס און זיינע חברים זאָלן האָבן געענטפערט דעם קיעווער פּראָפעסאָר קיטשקאָ אויף זיין אַנטי־יידישן פּאַשקוויל מיט אַ 2 יאָר צוריק.

מירסקי ווייסט אויך (ענדלעך!) אונטערצושיידן „דאָס גוטע פון שלעכטן און דאָס שלעכטע

פון גוטן. ד. ה. נישט אידענטיפיצירן דאָס ישׂראל־פֿאָלק, די אַרבעטנדיקע מאַסן, די שלום־קעמפֿער, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ, די דעמאָקראַטישע געזעל־שאַפֿטלעכקייט — מיט די הערשנדיקע קרייזן וואָס אַרבעטן מיט מיט די דזשאָנסאָנס, אַדענאַוערס, ליבקעס אדג״ל״.

אויף אַ צווייט אָרט אין דער „פֿאָלקס־שטימע״ פּאָלעמיזירט מ. מירסקי מיטן חבר יאַנקל נוטקעוויטש — און מיר לייענען אין זיין ענטפֿער אַזעלכע ווערטער:

„אומעטום זוכט ביי מיר יאַנקל נוטקעוויטש אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, הגם פֿון מיינע אַרטיקלען וועגן אַסימילאַציע דרינגט דאָס פּאַרקערטע. אַז נישט נאָר איך בין נישט קיין אַנהענגער פֿון איר, נאָר איך האַלט, אַז זי האָט סיי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סיי אין די סאָציאַליסטישע, באַוויזן איר פֿולשטענדיקן באַנקראָט״.

☆

137 יידישע בתי־עלמינס האָט די היינטיקע פּוילישע רעגירונג רעסטאַווירירט, אַרומגעצוימט און פֿאַרוואַנדלט אין פֿאַרהיילקטע ערטער. דאַקעגן רעדט מען נאָך אַלץ וועגן אַ דענקמאָל, אַן אָנדענקשטיין, אַ פּאַרק אין באַבי־יאַר, ווו די דייטשע רוצחים האָבן מיט 25 יאָר צוריק אויסגעמאָרדעט העכער 70 טויזנט יידן. איז נישט אַמאָל דער לײדיקער פּלאַץ אין באַבי־יאַר אַ רינגעלע אין דער קייט פֿון אויסגעליידיקטן, ניהיליסטישן צוגאַנג נוסח מאָסקווע צו דער יידן־פֿראַגע?

וואָלט מאָסקווע געמעגט זיך אַראָפּנעמען אַ מוסטער פֿון וואַרשע, און דערלויבן די 2,5 מיליאָן יידן פֿירן אַן אייגן קולטור־געזעלשאַפֿטלעך לעבן, דערמעגלעכן רעליגיעז זיך אויסלעבן די וואָס פֿאַרלאַנגען עס און אויך נישט שטערן די וואָס ווילן עולה זיין אין דער יידישער מדינה. לויט אונדזער מיינונג, איז דאָס נישט אין סתירה צו די „לענינישע נאָרמעס״ און צום סאָציאַליזם. (י״ש ת״א, 15.6.66)

## גאַמולקאַ עליך, ישׂראל!

„די שלאַכט איז פֿאַרענדיקט, איצט דאַרף מען ברענגען צו קבורה די הרוגים און פֿאַרהיילן די וווּנדן״ — האָט דערקלערט אין די אונ״אַ־קולוואַרן אין ניו־יאָרק אַ וויכטיקער מיטגליד פֿון דער רומענישער דעלעגאַציע צו דער אויסעראָרדנטלעכער פּולפֿאַרזאַמלונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער, וואָס איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון די סאָוויעטן. נאָר פֿאַר די „חברים״ קאָסיגין און פֿעדאָרענקאָ, מיט זייערע אַראַבישע פֿאַר־בינדעטע און וואַסאַלן־רעגירונגען אין מזרח־אייראָפּע, איז נאָך ווייט צום סוף פֿונעם קריג — און זיי הערן ניט אויף קראַצן אירע וווּנדן, זיי זאָלן בלוטיקן און אייטערן...

### דער טומאהדיקער בונד

זייער פּאָליטיק איז אַ באַשיינפּערלעכע: געבן אַ המשך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה צווישן ישׂראל און די אַראַבישע לענדער. אין דער פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע פֿון איין זייט; מיט דיפּלאָמאַטיע, דראָונגען און חניפה פֿון דער צווייטער זייט, ווערט געפֿירט אַן אומגעצוימטע, ליגנערישע און ווילדע העצע קעגן מדינת ישׂראל, איר רעגירונג, אַרמיי און איר פּרעכטיקן און געזעכטן נצחון. אויב צו דעם צוגעבן די אין גרויסן מאַסשטאַב באַנייטע סאָוויעטישע געווער־ליפֿערונג קיין מצרים און סיריע, ווי אויך די וויזיטן פֿון פּרעזידענט פּאָדגאָרני און מאַרשאַל זאַכאַראָוו אויפֿן נאָענטן מזרח און דער באַזוך פֿון אַדמיראַל מאַלאַכאָווס קריגס־שיפֿן

אין ראַיאָן פון סועץ, איז קלאָר, אַז „דער באַסטיאָן פון שלום, סאָציאַליזם און פעלקער־פריינדשאַפט״ איז גיכער פאַראינטערעסירט צו פלעגן דאָ שנאה, ניט דערלאָזן צו דירעקטע פאַרהאַנדלונגען צווישן די צדדים און אומקערן דאָס ראָד פון דער געשיכטע צום מצב פון פאַרן 5־טן יוני 1967.

אין דער דאָזיקער אַנטי־ישראלדיקער קאַמפּאַניע, איז דער א. ג. סאָוויעטישער בלאָק ניט פאַראייניזאַמט. מאָסקווע, וואַרשע, בודאַפּעשט, מזרח־בערלין און פּראַג האָבן אין דער פּראַגע באַקומען אומגעריכטע פאַרבינדעטע — פּעקין און טיראַנאַ. שוין אָפּגערעדט פון קאַיר און קאַראַטשי, דמשק און חארטום, אַלזשיר און ניו־דעלהי. אַ טומאהדיקער בונד פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון מוכאַמעדס אַנהענגער, עקסטרעמער קאָמוניזם פון מאַאָ טסע טונג, פּאַן־אַראַבישער שאָוויניזם פון אבדול נאַצער און די 50 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון קאָסיגינען. אַלע האָבן געמאַכט יד־אחת קעגן מדינת ישראל און דעם יידישן פאָלק. בעת אין בודאַפּעשט זיצן פאָרשטייער פון זיבן קאָמוניסטישע לענדער און פאַרטייען און רעדן אַרום די לאַגע און לעקציע פון די געשעענישן אויפן נאָענטן מזרח, ווערן אין קאַיר געפירט געשפּרעכן צווישן אַראַבישע מלכים און „פּראָגרעסיווע״ הערשער — מיט דעם זעלבן ציל: ווי אַזוי באַצווינגען די קליינע מדינה און איר עם קשה עורף, ווי אַזוי פאַרוואַנדלען ישראלס נצחון — אין אַ מפּלה.

### ווער, ווו, פאַר וועמען?

אין דעם מבול אַנטי־ישראלדיקע אַרויסטרעטונגען, האַנדלונגען, אַרטיקלען, רעזאָלוציעס, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו הערן און לייענען אין די טעג, האָט אמיינסטן אויפגעטרייסלט די רעדע פון ערשטן סעקרעטאַר פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, וולאַדיס־לאַוו גאָמולקאַ, אויפן זעקסטן קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די דערשיטערונג איז כאַראַקטעריסטיש דער ווער, ווו און פאַר וועמען?

„וויעסלאַוו״ (גאָמולקאַ), אַ מעטאַל־אַרבעטער אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, איז נאָכן פאַרענדיקן דעם צווייטן וועלטקריג באַשטימט געוואָרן אַלס וויצעפּרעמיער פון דער פּוילישער רעגירונג, מיניסטער פאַר די אָפּגענומענע געביטן (אויבער־און נידער־שלעזיע, פּאָמערן און דער ראַיאָן פון שטעטשין) און — גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. בשעתו האָט ער זיך געפּרוווט אַ לאָז געבן אויף אַ מער זעלבשטענדיקן וועג, ניט געוואָלט אין אַלץ נאָכזאָגן מאָסקווע „אמן״, ווי טיטאָ אין יוגאָסלאַוויע — און דערפאַר האָט ער באַצאָלט מיטן פאַרלירן אַלע הויכע אַמטן און אויך די פרייהייט. די דע־סטאַליניזאַציע אין רוסלאַנד און די שטורמישע געשעענישן אין פּוילן אין 1956, האָבן אים צוריק געשטעלט צו זיין מעמד און השפּעה אַלס ערשטער סעקרעטאַר פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי, און במילא — די העכסטע אויטאָריטעט אין לאַנד. דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן האָט דער גאָמולקאַ־רעזשים געגעבן אַ ברייטע קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, פּונקט ווי ער האָט דערמעגלעכט אַן עליה קיין ישראל און די דיפּלאָמאַטישע און ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן ביידע לענדער זענען געווען ביז גאַר צופרידנ־שטעלנדיק. מיר האָבן זיך תמיד געוווּנטשן, אַז האַלעוויי זאָלן אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, און דער עיקר — ראַטן־פאַרבאַנד, זיך נעמען אַ ביישפּיל ביי פּוילן, ווי אַזוי באַהאַנדלען די אייגענע יידישע מינדערהייט און לעבן בשלום מיט מדינת ישראל. מיט איין וואָרט — די געשטאַלט גאָמולקאַ איז אין יידישע און ישראלדיקע אויגן תמיד געווען אַ פּאָזיטיווע — — — ביז דעם 5־טן יוני 1967, ווען מיר אין ישראל האָבן זיך נישט געלאָזט אָנפאַלן און אויסשעכטן פון די אַראַבישע שכנים.

אויף וויפיל חבר וויעסלאַוו פּערזענלעך איז ביז דער פריער דערמאָנטער דאַטע געווען פאַר אונדז כולו זכאַי, אַזוי איז פּוילן אַלס לאַנד, געווען פאַר די יידן כולו חייב. פאַר דער טויזנטיאָריקער עקזיסטענץ פון פּוילנס מלוכהשקייט, האָבן יידן געגעבן זייער וואָגיקן צושטייער

דעם קולטורעלן אויפבלי און עקאָנאָמישן וווקס. אָבער פּוילן אין אונדזער דור און אין אונדזער באַוווסטזיין, איז דער פּאַקטישער מאַסן־קבר פון אירע דריי און אַ האַלבן מיליאָן יידישע בירגער און פון נאָך מיליאָנען פונעם אייראָפּעישן יידנטום. פון 8 אָקופּירטע לענדער אין אייראָפּע, האָבן די היטלעריסטישע רוצחים אויסגעקליבן גראַד פּוילן, ווו אויפצושטעלן זייערע טויט־פאַבריקן אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע, סאָביבור, כעלמנאָ, פּלאַשאָוו און אַנדערע. די אַנטיסעמיטישע אַטמאָספער אין דעם לאַנד האָט זיך „געדעקט" מיט דער נאַצישער יידן־אויסראָטונג. אַפילו אַ יאָר נאָך פּוילנס באַפרייאונג, איז פאָרגעקומען דער שרעקלעכער פּאָגראָם אין קעלץ, מיט 34 קרבנות פון דער שארית־הפליטה. היינט שטעלט זיך פאַר ווי מען דאַרף זיין געוואָרנט אין דעם לאַנד מיט אַזעלכע רייד, וועלכע עס האָט געלאָזט פאַלן דער ערשטער סעקרעטאַר.

און פאַר וועמען האָט ער 3/4 פון זיין רעפעראַט געווידמעט דער מלחמה אויפן נאָענטן מזרח? אויב פּאַראַפראַזירן דעם אַלטק פּסוק „מה עניין שמיטה אצל הר סיני?" — ווילט זיך טאַקע פרעגן: וואָס פאַר אַ שיכות האָבן די איצטיקע שמיטה־יאָרן פון פּוילישן אַרבעטער צו נאַצערס מיליטערישער מפּלה אין סיני? האָבן דען די 8 מיליאָן אַרבעטער, אָרגאַניזירטע אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּוילן, קיין אַנדערע זאָרג, ווי נאָר דער ישראל־אַראַבישער סיכסוך? שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז אַזוי פאַרשטעלן און אַנאַליזירן די „דריי ברוטאַלע ישראלדיקע אַגרעסיעס קעגן די אַראַבער אין די יאָרן 1948, 1956 און 1967", ווי דאָס האָט געטאָן גאָמולקאַ אויפן קאָנגרעס, איז ניט נאָר אַ בייזוויליקע און באַוווסטזיניקע פעלשונג פון דער געשיכטע און פאַרקריפּלונג פון פאַקטן, נאָר איז עלול צו שטאַרקן און דערוועקן סיי די איינגעדרימלטע, ווי די וואַכזאַמע אַנטיסעמיטישע געפילן, וועלכע זענען אַזוי שטאַרק פאַרוואָרצלט אינעם פּוילישן פאָלק. באַזונדערס — זיין באַרימטער זאָג וועגן אַ „פינפטער קאָלאָנע" אויפן חשבון פון היינטיקן יידישן ישוב אין פּוילן, און אַנדערע „פּערל" אין זיין רעדע, אויף וועלכע ס'איז כדאַי ברייטער זיך אָפּצושטעלן.

## דאָס מצרישע שעפּסעלע און דער ישראלדיקער וואָלף...

דעם חבר וויעסלאַוו גייט אין לעבן איינצוקנעלן מיט די טויזנטער דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, אַז „כדי בעסער פאַרשטיין די קוואַלן פון ברוטאַלן, פּלוצימדיקן אָנפאַל פון ישראל אויף די אַראַבישע לענדער, ווי בכלל די קוואַלן פון דעם שוין 20 יאָר דויערנדיקן קאָנפליקט, דאַרף מען כאָטש אין אַ גרויסן קיצור דערמאָנען ווי אַזוי ס'איז אַנטשטאַנען די מלוכה ישראל"...

באמת, זיין „קיצור" איז גאָר אַ גרויסער — אָבער נאָך גרעסער פון דעם איז שוין די ערשטע, גראָבע פעלשונג, ווען ער דערמאָנט דעם היסטאָרישן אונ"אָ־באַשלוס פון 29סטן נאָוועמבער 1947, נאָך וועלכן „עס זענען אויסגעבראָכן באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן צווישן דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג". אַלזאָ, ניט קיין איבערפאַלן מצד אַראַבישע כנופיות אויף פרידלעכע ישובים און אומשולדיקע יידן, נישט די אָפענע מלחמה־דערקלערונג דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און דאָס ניט אַנערקענען דורך די אַראַבער דאָס שאַפן אַ יידישע מדינה — נאָר פּראָסט און פשוט: „עס זענען אויסגעבראָכן באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן". נאָך אַזאַ ליגן, איז שוין ניט שווער צו בראָקן איין שקר נאָכן אַנדערן, ווי: „מיטן מאָמענט פון פּראָקלאַמירן מדינת ישראל, האָבן די נאַציאָנאַלע ווידעראַנאַנדן און קריגערייען זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מלחמה צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער". גאָמולקאַ דערמאָנט ניט מיט קיין וואָרט די אַגרעסיע פון מצרים, ירדן, סיריע, עיראַק און לבנון אין יאָר 1948, כדי אָפּווישן ישראל פון דער מאַפּע און אירע איינוווינער וואַרפן אין ים אַריין. ער רופט עס בלויז אָן „נאַציאָנאַלע ווידערנאַנדן" און שילדערט אין שוואַרצע פאַרבן דעם ישראלדיקן אַגרעסאָר, וועלכער האָט פאַרטריבן 900 טויזנט אַראַבער פון זייער ערד און זיי פאַרוואַנדלט אין פּליטים.

אַן אַלט יידיש ווערטל זאָגט, אַז אין אַ שטוב פון אַ געהאָנגענעם, טאָר מען נישט רעדן וועגן אויפהענגען אַ ראָק. דווקא גאָמולקאַן מעג מען דערמאָנען, אַז אין די יאָרן 1945, 1946 און 1947, זענען הונדערטער טויזנטער דייטשן איבערגעפירט געוואָרן פון נידער־שלעזיע און פּאָמערן קיין דייטשלאַנד — און זייערע הייזער זענען באַזעצט געוואָרן מיט אַן אַנדערער קאַטעגאָריע פּליטים: פּאָלאַקן פון פּוילנס מזרח־געביטן, וועלכע זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער סאָוויעטישער אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. אין יענער פעלקער־וואַנדערונג און פעלקער־אויסטויש, אויך אין רעזולטאַט פון מלחמה און נצחון, האָט מען (מיט רעכט!) געזען היסטאָרישע גערעכטיקייט, קיינער האָט ניט געלאָזן קיין טרער אויפן גורל פון די פאַרטריבענע דייטשן און איבערגעזידלטע פּאָלאַקן. נאָר אַז יידן, די אייביקע וואַנדערער און פּליטים, זאָלן זיגן אין אַ מלחמה, וועלכע איז תמיד גורם צו אַ פּליטים־פּראָבלעם — דאָס פירט אַרויס פון די כלים אַפילו אַזעלכע מענטשן ווי גאָמולקאַ, וועלכער איז גראָד אין יענע יאָרן געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער און פּאַקטישער דורכפירער פון דער עוואַקואַציע פון די דייטשן און רעפּאַטריאַציע פון די פּאָלאַקן. בפרט נאָך, ווען ער ווייסט אויסגעצייכנט, אַז אויפן אָרט פון די אַראַבישע פּליטים, האָט מדינת ישראל אויפגענומען אירע אייגענע ברידער פּליטים פון די אַראַבישע לענדער און די שארית הפליטה פון דעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק אין אייראָפּע. נאָר וועגן דעם אַלעמען שווייגט איצט דער ערשטער סעקרעטאַר.

דערפאַר מעג ער קומען צו זיין מסקנה: „ווי מיר זעען, איז מדינת ישראל אויפגעקומען אין פייער פון מלחמה קעגן די פּאַלעסטינער אַראַבער און קעגן די אַראַבישע לענדער". אָבער פון גראָמיקאָן האָבן מיר אין 1948 געהערט אַן אַנדערע אָפּשאַצונג וועגן אויפקום פון מדינת ישראל, ווי ער האָט דאָס געבערענגט צום אויסדרוק אין זיין רעדע אין אונ"אָ: „דער פאַקט אַז קיין שום מערב־אייראָפּעישע מלוכה האָט נישט געקענט פאַרזיכערן די שוץ פון די עלע־מענטאַרע רעכט פון יידישן פאָלק און עס פאַרטיידיקן קעגן די געוואַלט־טאַטן מצד די פאַשיסטישע הענקער, באַרעכטיקט די שטרעבונג פון די יידן צו שאַפן זייערס אַן אייגענע מלוכה. עס וואָלט געווען נישט אַנשטענדיק צו פאַרלייקענען דאָס רעכט פון יידישן פאָלק פאַר אַ באַפרידיקונג פון דער דאָזיקער שטרעבונג..."

פאַרשטייט זיך, אַז אויך די פּוילישע דעלעגאַציע אין אונ"אָ האָט מיט 19 יאָר צוריק געשטיצט דעם פּלאַן וועגן אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל. שוין־זשע האָבן דעמאָלט מאָסקווע און וואַרשע געהאַלטן, אַז אונדזער מדינה „איז אַנטשטאַנען אין פייער פון קריג קעגן די אַראַבער?"

דער „היסטאָריקער" גאָמולקאַ לייענט ווייטער פון זיין לאַנגער, געשריבענער רעדע: „עס איז נישט אמת, אַז די אַראַבישע מלוכות האָבן זיך געשטעלט אַלס הויפּטציל פון זייער פּאָליטיק לגבי ישראל צו ליקווידירן די דאָזיקע מלוכה... ישראל האָט די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ נישט געמאַכט קיין שריט וואָס זאָל עדות זאָגן וועגן איר גוטן ווילן צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די שכנים".

אויף אַזוי פיל — די מיינונג פון גאָמולקאַן וועגן דער ערשטער, כלומרשטער אַגרעסיע פון ישראל אויף די שלום־ליבנדיקע אַראַבער. היינט קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן זיין מיינונג און אָפּשאַצונג וועגן דער סועץ־קאַמפּאַניע מיט 11 יאָר צוריק, און דעם לעצטן, זעקס־טאָגיקן קריג.

### נאָר די יידן זענען שולדיק!

אויך ביי אונדז אין לאַנד זענען בשעתו געהערט געוואָרן באַרעכטיקטע טענות קעגן דעם אופן פון צוגרייטן די סיני־אַקציע אין יאָר 1956 דורך אַ דריילינג (בן־גוריון—דיין—פּרס) און קעגן דעם דריי־בונד פראַנקרייך—ענגלאַנד—ישראל. אָבער נאָכן באַקענען זיך מיט

גאָמולקאָס היסטאָריאָזאָפיע וועגן דער סועץ־קאָמפּאַניע און זיין קאָמענטירן די „ישראל־אַגרעסיע נומער 2", וועט אַפילו דער שאַרפסטער קעגנער פון יענעם קריג מיט 11 יאָר צוריק, מוזן פסלען דעם ערשטן סעקרעטאַר אַלס קריטיקער און פּאַראָורטיילער, צוליב זיין איינזייטיקייט און פעלשונג פון באַוווסטע פאַקטן.

לויט גאָמולקאָן קומט אויס, אַז ביים נאַציאָנאַליזירן דעם סועץ אין יולי 1956, האָט נאַצער גאַראַנטירט די רעכט פון פרייען דורכשווימען דעם קאַנאַל. מיר אָבער ווייסן ניט פון קיין פאַל, אַז וועלכע ס'איז ישראלדיקע שיף, צי פרעמדע שיפן וועלכע האָבן געפירט סחורות אין פאָרט פון חיפה, יפו צי אשדוד, זאָלן האָבן דורכגעשווומען דעם קאַנאַל. בלויז פאַר ישראל איז דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער וואַסער־שליאַך געווען פאַרמאַכט אין משך פון 13 יאָר. נאָר בעת נאַצער האָט די דאָזיקע בלאָקאַדע באַרעכטיקט מיט זיין אין קריגס־צושטאַנד מיט ישראל, פאַרענטפערט אים גאָמולקאַ דערמיט, וואָס „ישראל איז געוואָרן אַ פאַרפּאָסטן פון אימפּעריאַליזם, אַ פאַרבינדעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן קעגן די אַראַבישע לענדער".

מיר דאָ, פּונקט ווי גאָמולקאַ אין פּוילן ווייסן, אַז דער קאָמפּלעקס ישראל־עגיפּטישע באַציאונגען האָט זיך ניט אָנגעהויבן און ניט געענדיקט מיט דער פרייער נאַוויגאַציע אויפן סועץ. געווען אַ „פעדאיון" מיט רוצחישע איבערפאַלן אויף פרידלעכע ישובים און גרענעץ־קיבוצים, דיווערסיע־און סאַבאָטאַזש־אַקטן, גניבות און באַשיסונגען פון יענער זייט גרענעץ. דער נייער וואַרשעווער מומחה פאַרן נאָענטן מזרח, האָט אָבער אויף די אַלע פראַגן אַן ענטפער און פאַרענטפער: „די לאַגע אויף דער עגיפּטיש־ישראלדיקער גרענעץ איז געווען אַ געשפּאַנטע, אָבער — צוליב דער שולד פון ישראל".

מיטן זעלבן אייפער און דעמאַגאָגיע פאַרטיידיקט ער אויך סיריע. די „סאָציאַליסטיש־באַאַטיסטישע" הערשער אין דמשק זענען גאָט די נשמה שולדיק, ניט זיי האָבן אַלע מאָל געעפנט אַ מערדעריש פייער אויף די קיבוצים און ישובים אין אייבערשטן גליל, ניט זיי האָבן גערעדט וועגן פאַרניכטן ישראל און פאַרגעוואָרפן די אַראַבישע הערשער, באַזונדערס נאַצערן, הלמאי זיי שלעפן אָפּ מיטן „הייליקן קריג". כדי צוויילן די מלחמה מיט ישראל, האָבן זיי אויף זייער טעריטאָריע אויסגעשולט און געשיקט צו אונדז דיווערסאַנטן און מערדער, סאָבאָטאַזשיסטן און פּראָוואָקאַטאָרן, כדי דערפירן צו דעם געגאַרטן צוזאַמענשטויס. נאָר וועגן דעם שווייגט חבר וויעסלאַוו. ער איז פול מיט גרימצאָרן, פאַר וואָס מיר האָבן דעם 7־טן אַפּריל היי־יאָר דורכגעפירט אַ נייע פּראָוואָקאַציע לגבי סיריע. „דער פּרעטעקסט צום אָנפאַל — אַ קליינער אינצידענט צוליבן פּרווו צו באַאַרבעטן ערד אין דער דעמיליטאַריזירטער זאָנע".

נאַטירלעך, אויך דאָ חזרט ער איבער קאָסיגינס טענה, אַז מיר האָבן געוואָלט שטירצן די סירישע רעגירונג, מאַרשירן אויף דמשק, אָפּווישן סיריע פון דער מאַפּע — וואָס האָט באַוויגן נאַצערן צו לאָזן אין גאַנג זיין הסכם מיט דעם דאָזיקן לאַנד און אָננעמען די מאָסמיטלען וועלכע ר'האָט אָנגענומען. דערביי ווייסט ער צו דערציילן, אַז נאַצער האָט צוגעזאָגט או־טאַנטן, דזשאָנסאָנען און דער סאָוויעטישער רעגירונג, אַז ער וועט אין קיין פאַל ניט אָנהייבן דער ערשטער. זיינע מאָסמיטלען טראָגן בלויז אַ... פאַרטיידיקונג־כאַראַקטער.

## דערמאָנונגען, קאָנפראָנטאַציעס און — גאָמולקאַס דראָונגען

היטלערס קאָנצענטרירן דייטשיש מיליטער לענגאויס דער גרענעץ מיט פּוילן, אין יאָר 1939, וועלכע ער האָט בשעתו אויך באַרעכטיקט מיט מאָסמיטלען פון פאַרטיידיקונג; פּונקט ווי די דייטשע פּראָוואָקאַציעס אין דאַנציק, צי אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע האָבן אין דער אונטערשטער שורה דערפירט צום צווייטן וועלט־קריג און צום אויסמאָרדן אַ דריטל פון

ייִדישן פֿאָלק — האָבן געמעגט אין מאַי און יוני 1967 אויפֿטויכן אין זכרון פֿון די 2 מיליאָן ישׂראל־בירגער. זיי האָבן באַדאַרפֿט מאַכן דעם פֿאַרגלייך פֿון דער אַרומגערינגלטער פּוילן מיט 28 יאָר צוריק, וועלכע איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַ ברוטאַלער אַגרעסיע — מיט דער לאַגע פֿון מדינת ישׂראל, וועלכע עס האָט געוואָלט פֿאַרלענדן דער דיקטאַטאָר אויפֿן נילוס. נאָר מיט אַ קליינעם אונטערשייד: אין סעפּטעמבער 1939 האָט פּוילן פֿאַרלוירן בלויז אומאָפּהענגיקייט און פֿרייהייט, בעת אין יוני 1967 וואָלט מדינת ישׂראל, אויסער איר זעלבשטענדיקייט, אָנגעווווירן אויך דאָס לעבן, די פֿיזישע עקזיסטענץ פֿון אירע ייִדן. אונדזער געפֿיל איז געווען, אַז עס דראָט אַ צווייטע אוישוויץ. איבעריקנס, נאַצער גופֿא האָט וועגן דעם ניט געמאַכט קיין סוד, אויך בעת אַ רעדע פֿאַר די פּראָפּ־פֿאַראייניען זיינע, ווען ר׳האָט אָפֿן גערופֿן צו פֿאַרטיליקן ישׂראל. נאָר גאָמולקאַ ווייסט בעסער פֿון אונדז, פֿאַר וואָס ס׳איז אויסגעבראָכן די איצטיקע מלחמה:

א) אין נאָמען פֿון די אינטערעסן פֿון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות אויפֿן נאָענטן מזרח;
ב) אין נאָמען פֿון אַראָפּוואַרפֿן די לינקע סירישע רעגירונג;
ג) לסוף — אין נאָמען פֿון די אייגענע אַנעקסיע־אַפּעטיטן לגבי דער אַראַבישער ערד.

און ער פֿאַרענדיקט מיט פּאַטאָס: „אַזאַ איז דער נאַקעטער אמת פֿון דער דריטער אַגרעסיע פֿון ישׂראל קעגן די אַראַבישע לענדער״.

באַקענענדיק זיך מיט דער דאָזיקער „אַרגומענטאַציע״, האָט דער זכרון מיך צוריק געפֿירט צום סעפּטעמבער 1939, ווען כ׳בין אַנטלאָפֿן אויף מזרח פֿון מיין באַמבאַרדירטער און אונטערגעצונדענער היימשטאָט אין פּוילן. ביי דער גרענעץ האָט מען דעם 17טן סעפּטעמבער געוואָרפֿן פֿון סאָוויעטישע עראָפּלאַנען אויפֿרופֿן צו דער באַפֿעלקערונג. איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די ערשטע ווערטער פֿון דעם אויפֿרוף, אונטערגעשריבן דורכן מאַרשאַל טימאָשענקאָ, דעמאָלטיקן הויפּט־שעף פֿון דער אוקראַיִנישער אַרמיי, וועלכע איז אַריין אין דער דורך די דייטשן צעקלאַפּטער פּוילן, און ניקיטאַ סערגעיעוויטש כרושטשאָוו, גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער אוקראַיִנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָנגעהויבן האָט זיך דער דאָקומענט בזה הלשון: „די שלימזלדיקע פּוילישע רעגירונג, וועלכע האָט אַריינגעוואָרפֿן דאָס פֿאָלק אין גערווירבל פֿון מלחמה״.

איר הערט, חבר גאָמולקאַ, געגוי אַזוי האָט אַן ערשטער סעקרעטאַר פֿון אַ קאָמוניסטישער פּאַרטיי „געשריבן געשיכטע״, ווי איר טוט דאָס היינט כלפּי אונדז. נישט די היטלער־אַגרעסיע, נישט דער פּרייסישער מיליטאַריזם, נישט די עקספּאַנסיע־פּלענער און ראַסן־אידעאָלאָגיע האָבן אַרויסגערופֿן יענעם קריג, נאָר... „די שלימזלדיקע פּוילישע רעגירונג״. איצט האָט חבר וויעסלאַוו בלויז געטוישט די טערמינאָלאָגיע. ווייל מיר האָבן די מלחמה געווונען, און ניט פֿאַרשפּילט, האָט די אַגרעסיווע (אָנשטאָט: שלימזלדיקע!) ישׂראל־רעגירונג דערפֿירט צום קריג...

גאָמולקאָס „נאַקעטער אמת״ איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צום דעמאָלטיקן פּאָליטישן סטריפּטיז פֿון כרושטשאָוון בנוגע דעם פּויליש־דייטשישן קריג. נאָר כרושטשאָוו האָט שוין נישט געהאַט וועמען צו דראָען, ווייל די פּוילישע אַרמיי איז געווען צעקלאַפּט, די רעגירונג — אַנטלאָפֿן און דאָס פֿאָלק איבערגעלאָזט אויף הפקר מצד אייגענע און פֿאַרבינדעטע. דערפֿאַר אָבער דראָט אונדז גאָמולקאַ — און נאָך ווי אַזוי: „די עקסטרעמיסטישע רעגירונגס־קרייזן פֿון ישׂראל מוזן זיך אָפּגעבן אַ חשבון דערפֿון, אַז אַזאַ פּאָליטיק גראָבט אַ גרוב פֿאַר זייער מדינה. עס קען קומען אַזאַ היסטאָרישער מאָמענט און דאַן קאָן די פּאָליטיק פֿון פֿיינטשאַפֿט לגבי די אַראַבער ברענגען פֿאַר ישׂראל שרעקלעכע רעזולטאַטן. די פֿאַרשיכורטע מיטן זיג הערשער פֿון ישׂראל... דאַרפֿן ענדערן זייער באַציִונג צו די אַראַבער. מאָרגן קאָן זיין צו שפּעט!״

גאָמולקאָ נעמט זיך אַליין דעם מאַנדאַט צו ריידן אין נאָמען פון די „100 מיליאָן אַראַבער, וואָס וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן זייער מפּלה און דערנידעריקונג וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער קליינער מלוכה".

פּוילן און פראַנקרייך, די נאָענטסטע שכנים פון דייטשלאַנד, האָבן פון איר געכאַפּט מערער מפּלות און קלעפּ ווי די אַראַבער פון די יידן. פון דעסטוועגן איז איצט גרויס די ליבע פון וואַרשע צו מזרח־בערלין, און פון פּאַריז — צו באָן. אויך מאָסקווע האַלט אָן נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט דער רעוואַנזשיסטישער, נעאָ־נאַצישער פעדעראַלער רעגירונג. גאָמולקאָ מיט אולבריכטן (אויך יענער שונא ישראל!) זענען די בעסטע גוטע ברידער און דע־גאָל טרעפט זיך צוויי מאָל אין יאָר מיט קיזינגערן, פּונקט ווי ער האָט עס פריער געטאָן מיט ערהאַרדן און אַדענאַוערן. בלויז אונדז פאַרזיכערט דער פּוילישער מאַרקסיסט מיט אייביקער שנאה מצד די שכנים. וואָס וועט אָבער זיין, אַז זיי וועלן פאַרט אַמאָל שליסן אַ שלום? נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס האָט אַ ברירה צו געשען פריער, איידער מיר וועלן זיך באַפרייען פון דעם עקל און ווידערגעפיל פון גאָמולקאַס אַרויסטריט. באַזונ־דערס — פון זיינע גיפטיקע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון די 30 טויזנט יידן אין היינטיקן פּוילן.

## וואָס איז מיט דער „פינפטער קאָלאָנע"?

צומאָרגנס נאָכן אַרויסטריט פון ערשטן סעקרעטאַר, האָבן די נייעס־אַגענטורן געוווּסט צו דערציילן, אַז אָנגרייפנדיק דעם איצטיקן יידישן ישוב אין פּוילן פאַר זיינע סימפּאַטיעס צו מדינת ישראל, האָט ער אים דערפאַר באַצייכנט אַלס „פינפטע קאָלאָנע". איצט, ווען איך האָב פאַר זיך דעם פולן און גענויעם טעקסט פון זיין רעדע, אָפּגעדרוקט אין דער וואַרשעווער „פאָלקסשטימע" — זענען די צוויי ווערטער פאַרשווונדן. נישטאָ. ערנסטע צייטונגען און מקורות טענהן, אַז דער חבר וויעסלאַוו האָט זיך אַזוי פאַרגאַלאָפּירט אין זיינע אַנטי־ישראלדיקע אַטאַקעס און אָנגריף אויף די „אייגענע", היימישע יידן — אַז ר'האָט יאָ דערמאָנט „פינפטע קאָלאָנע", נאָר די פּאַרטיי־צענזור האָט דאָס אויסגעמעקט... נאָר גלייבט מיר, צי די ווערטער זענען יאָ אָדער ניט געזאָגט געוואָרן, זענען זיי נישט מסוגל אַראָפּ צו נעמען, אָדער צוגעבן צו דער שאַרפקייט און פאַרביסנקייט פון די אַלע רייד זיינע אויפן קאָנגרעס. דאָך איז כדאַי צו באַקענען זיך מיטן טאָן און תוכן פון זיינע מוסר־ווערטער אויפן אַדרעס פון די יידן אין פּוילן:

„אין שייכות דערמיט וואָס די אַגרעסיע פון ישראל אויף די אַראַבישע לענדער, האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אַפּלאַוז אין די ציוניסטישע סביבות פון יידן — פּוילישע בירגער, וויל איך דערקלערן דאָס פאָלגנדיקע:

מיר האָבן נישט געמאַכט קיין שטערונגען די פּוילישע בירגער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט ביים איבערטראָגן זיך קיין ישראל, אויב זיי האָבן עס געוואָלט. מיר שטייען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז יעדער בירגער פון פּוילן דאַרף האָבן בלויז איין היימלאַנד — פאָלקס־פּוילן. מיט דעם איז מסכים די גרעסטע מערהייט פּוילישע בירגער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט און זיי דינען געטריי אונדזער לאַנד. ...אָבער מיר קאָנען נישט בלייבן גלייכגילטיק לגבי יענע מענטשן, וועלכע זאָגן זיך אַרויס, אין אָנבליק פון דער געפאַר פאַרן וועלט־שלום, אַלזאָ אויך פאַר דער זיכערקייט פון פּוילן און פון דער פרידלעכער אַרבעט פון אונדזער פאָלק — פאַרן אַגרעסאָר, פאַר די צעשטערער פון שלום, און פאַרן אימפּעריאַליזם; זאָלן יענע וואָס פילן אַז די דאָזיקע ווערטער זענען געווענדעט אויף זייער אַדרעס — אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַליטעט — מאַכן פון זיי די אַנטשפּרעכנדיקע פאַר זיך אויספירן".

כדי מאַכן „אַנטשפּרעכנדיקע אויספירן״, חבר גאָמולקאַ (נישט דווקא די וועלכע איר מיינט), מוז זיין אַ ביסעלע מערער פרייהייט פון וואָרט, פרייהייט פון פּרעסע, פרייהייט פון מיינונגען, פרייהייט פון האַנדלונגען. אין דער „אַגרעסיווער ישראל, וועלכע האָט גענומען אַביישפּיל פון דער היטלעריסטישער ווערמאַכט״, ווי איר דריקט זיך אויס, מעג אַ צייטונג פּאָדערן די דעמיסיע פון פּרעמיער, ווייל בעת אַ ראַדיאָ־רעדע אין יענע גורלדיקע טעג, האָט ער זיך עטוואָס פאַרהיקעט ביים ריידן. דאַקעגן ביי אייך מוז מען אָפּלאָדירן, אָדער הייבן די הענט, ווען דער ערשטער סעקרעטאַר בראָקט שקרים, אינסינואירט, פאַרוואַנדלט דעם אַגרעסאָר אין אַ קרבן און דעם לייב — אין אַ לעמעלע.

☆

שווער זיך צו כאַפּן, צי איז זיין רעדע אויפן קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין וואַרשע געווען אַן איינמאָליקער, ספּאָנטאַנער אַנטיסעמיטישער אויסברוך; צי אַ פּולשטענדיקע פאַרשקלאַפונג צו מאָסקווע און באַנייטער פּרווו „אויסצוגלייכן די ליניע״; אָדער גאָר אַ בליץ־אַפּלייטער פאַרן אינערלעכן געברויך, באַזונדערס כלפּי אַרבעטער, וועלכע זענען שוין זאַט מיט צוזאָגן און פּאָדערונגען צו אַרבעטן מערער און בעסער און אפשר — אַלע דריי סיבות צוזאַמען?

גאָמולקאַ האָט איצט מיט אייגענע הענט (גענויער: מיטן אייגענעם מויל!) צעשטערט איינעם פון די גאָר ווינציקע סאָציאַליסטישע בנינים, ווו ס׳האָט זיך נאָך געפונען אַ טראָפּן אהבת ישראל, אַ ביסל פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער פאָלק און מדינה.

(י״ש ת״א, 19.7.67)

# אַ פרילינג מיט וואָלקנס...

דעם 7טן נאָוועמבער, וועט דער ראָטן־פאַרבאַנד פייערן זיין יובל און יומטוב — 50 יאָר זינט ס׳איז אויסגעבראָכן די „גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער רעוואָלוציע״, ווי עס לויטעט איר אָפיציעלע באַצייכענונג. קלאָר, אַז אין שייכות מיט דער דאַטע, וועט מען דאָרט אַ סך רעדן און שרייבן וועגן דעם אָפּגעלאָפענעם האַלבן יאָרהונדערט פון כסדרדיקן געראַנגל פאַר אַ בעסער און שענער לעבן, באַגלייט מיט ריזיקע אויפטוען, דערגרייכונגען און פּערספּעקטיוון. דאַקעגן וועלן פאַרשוויגן ווערן די פעלערן, אַנטוישונגען, שוואַכקייטן און פאַרקריפּלונגען. מ׳וועט אַרויסברענגען נאָר דאָס פּאָזיטיווע און ליכטיקע, גלייך נעגאַטיווס און שאָטנדיקס האָט ניט דאָרט קיין דריסת־הרגל...

☆

אַ היסטאָרישע דאַטע איז ניט נאָר פּאַראַד און יומטוב — נאָר אויך אַ געלעגנהייט פאַר אַ חשבון הנפש. ס׳איז אָבער ניט אָנצונעמען, אַז די איצטיקע סאָוועטישע אָנפירונג וועט כלפּי זיך מקיים זיין דעם אייגענעם פּסוק פון „באָלשעוויסטישער קריטיק און זעלבסטקריטיק״. דעריבער וועלן מיר ווידער זיין עדות פונעם טראַדיציאָנעלן און קאָנווענציאָנעלן מיליטערישן פּאַראַד אויפן „רויטן פּלאַץ״ אין מאָסקווע, ווו דעם אויבנאָן וועלן פאַרנעמען די צווישן־קאָנטינענטאַלע ראַקעטעס און צווישן־פּלאַנעטאַרע „ספּוטניקס״. דאָרט וועט אויך דער ערשטער מאַרשאַל לאָזן הערן זיין יערלעכע רעדע, ווו עס וועט געלייגט ווערן דער טראָפּ אויפן מעכטיקן אַרסענאַל פון די מאָדערנסטע קריגס־כלים — אָנשטאָט שטאָלצירן מיטן אידעאָלאָגישן געווער פון אָקטאָבער. און מיט אַ נאַכט פריער וועט דער ערשטער סעקרעטאַר אין „באָלשוי״־טעאַטער דערציילן ווי ווויל און גוט ס׳איז אין דעם לאַנד פון די סאָוויעטן און ווי קלוג, יושרדיק און ריכטיק ס׳איז זייער אויסערן־פּאָליטיק. מען וועט אויפוויזן יענעמס בלויזן און פאַרברעכנס און אַליין זיך פאַרשטעלן ווי די פאַרקערפּערונג פון שיינע אידעאַלן.

די אָבער וואָס ווילן זען דעם אָקטאָבער אין זיין מקורותדיקן, אורשפּרינגלעכן אינהאַלט און באַטייט און פילן אידעישע נאָענטקייט און סימפּאַטיע צום לאַנד וואָס פאַרווירקלעכט דעם סאָציאַליזם — מוזן אַנדערש אָפּשאַצן דעם איצטיקן יובל. פּונקט ווי עס מוז אַנדערש און ספּעציפיש אויספאַלן היינט־צו־טאָג די מיינונג וועגן מאָסקווע פון אַ נאַציאָנאַל־דענקענדיקן ייד, דערצו נאָך אַ ישראל־בירגער, וועלכער איז בדרך כלל גרייט געווען מלמד זכות זיין אויף אַ סך נעגאַטיווע דערשיינונגען דאָרטן. אַזעלכע אָפּשאַצונגען וועלן בעל־כורחו זיין אין סתירה צו די באָמבאַסטישע רעזאָלוציעס, דאָגמאַטישע רעדעס און קאַזיאָנע אַרטיקלען אין דער סאָוויעטישער פּרעסע און קאָמוניסטישע אויסגאַבן אין דער וועלט. דערפאַר אָבער וועלן זיי פאַרמאָגן אַ גרויסע דאָזע אָביעקטיווקייט, ערלעכקייט, גלייכגעוויכט און... אויפריכטיקן ציטער און זאָרג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם „לאַנד פון די ראַטן"...

☆

אין זיין ליד „אָקטאָבער", געווידמעט זרובבלען, האָט איציק מאַנגער געשריבן מיט העכער 30 יאָר צוריק: ציטערט אויף אַ קאָפּ ביים פענצטער און צען האַרטע פינגער קלאַפּן: — העי דאָרט, גענוג שוין אין דער פינצטער אויף דעם פוילן שטרוי צו כראָפּען... רוסלאַנד פיבערט אוים אַ פרילינג! (ציטירט פון זכרון).

נאָר אַ דיכטערישע נשמה ווי מאַנגער איז געווען מסוגל אויסצודריקן אין עטלעכע שורות דעם תמצית פון אַ גרויסער, היסטאָרישער געשעעניש פון וועלט־באַנעם. אין דער צאַרישער אימפּעריע, באַקאַנט אַלס „תפיסה פון פעלקער", האָבן דאָך מיליאָנען פּויערים און אַרבעטער טאַקע „געכראָפּעט אויפן פוילן שטרוי אין דער פינצטער". ערשט מיט די שאָסן פון די אויפשטענדלערישע מאַטראָסן אויף דער קריגסשיף „אוראָרא", אויפן ווינטער־פּאַלאַץ אין פּעטערבורג דעם 7־טן נאָוועמבער 1917 („דאָס קלאַפּן פון צען האַרטע פינגער") — האָט רוסלאַנד גענומען „אויספיבערן איר פרילינג"...

די „צען טעג וועלכע האָבן אויפגערודערט די וועלט", לויט דער טרעפלעכער באַצייכענונג און באַשרייבונג פון דעם אַמעריקאַנער דזשאָן ריד, זענען דאָך ווירקלעך געווען אַן אָנזאָג, אַ בשורה, אַ משיחישע וויזיע אויפצובויען אויף די חורבות פון דער אַלטער וועלט, אַ נייע אָרדענונג, ווו עס וועט הערשן יושר, גלייכהייט, זאַטקייט, טאָלעראַנץ, פעלקער־פאַרברידערונג, קולטור, טעכנישער פּראָגרעס און הומאַניזם. מיט פאַנאַטישן גלויבן און רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס האָבן די אַרבעטער פון מאָסקווע און פּעטראָגראַד, די פרייוויליקע רויטגוואַרדייער און רויטאַרמייער זיך געשלאָגן אויף 26 פראָנטן פון אינערלעכן ווידערשטאַנד און אויסלענדישער אינטערווענץ, גלייבנדיק אין די מעלות טובות פון דער רעוואָלוציע און זייענדיק גרייט אַוועקצוגעבן זייערע לעבנס.

מיט אַ באַזונדערער טריישאַפט און התלהבות האָבן די רוסישע יידן אויפגענומען די בשורה פון אָקטאָבער, וואָס האָט פאַר זיי באַטייט אַ סוף צום תחום המושב, צו דער אָרעמקייט, דיסקרימינאַציע, פּאָגראָמען. אַפילו די וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר די באָלשעוויקעס, האָבן געוווסט, אַז בעת פּעטלוראַ און סקאָראָפּאַדסקי מיינט רציחות און אַנטי־יידישע עקסצעסן, האָט זיי לענין און טראָצקי פאַרזיכערט פיזישן, עקאָנאָמישן און גייסטיק־נאַציאָנאַלן קיום.

☆

דער אָקטאָבער האָט געזיגט, ביסלעכווייז פאַרהיילט די בלוטיקע וווּנדן פון 4 יאָר מלחמה און 3 יאָר בירגער־קריג. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער היסטאָרישער פאַרמעסט און עקספּערימענט אויפצובויען די קלאַסנלאָזע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט: נאַציאָנאַליזאַציע פון דער פריצישער ערד, פאַבריקן, גרובנס; אומזיסטיקע בילדונג — פון קינדערגאָרטן ביזן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט; אומזיסטיקע מעדיציניש באַדינונג; עלעקטריפיקאַציע, אינדוסטריאַלי־זאַציע פון לאַנד; מאָדערניזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט; קולטור־טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע

פאַר אַלע פעלקער, ביי דער ברייטסטער אַנטוויקלונג פון זייער נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, שפּראַך און ליטעראַטור; די גרויסע קולטור־רעוואָלוציע — לערן־אַנשטאַלטן, טעאַטערס, ביבליאָטעקן, מוזעאומס, פילם, באַלעט, מוזיק, פּרעסע, פאַרלאַגן; אַ שטאַרקע אַרמיי מיט אויסגעשפּראָכן פרידלעכע טענדענצן און אַן אויסלענדישע פּאָליטיק באַזירט אויף שלום, צוזאַמענאַרבעט און זיכערקייט.

מיט איין וואָרט — געווען מיט וואָס צו שטאָלצירן און זיך באַגייסטערן, אָנהייבן גלייבן, אַז אין זכות פון רוסישן אָקטאָבער, וועט אויך די גאַנצע וועלט דערגיין צו משיחס צייטן, ווען אַ וואָלף מיט אַ שעפּס וועלן הויזן צוזאַמען...

ביז עס האָבן אין דעם שיינעם בנין פונעם זיך ראַנגלענדיקן, אָבער פּאָרויסמאַרשירנדיקן סאָציאַליזם, זיך אָנגעהויבן באַווייזן שפּאַלטן און לעכער, גרויסע טרייסלונגען און קליינע ציטערס. מיטן ריזיקן ווּקס פון פאַבריקן און קאָמבינאַטן; וואָס מערער דאָס פאָלק האָט געגאָסן פון די קולטור־אינסטיטוציעס פון אַ גאָר הויכן ניוואָ; וואָס העכער עס איז פון יאָר צו יאָר געשטיגן די צאָל לערערס, פּראָפעסאָרן און סטודענטן, וואָס מערער צייטונגען און ביכער עס זענען דערשינען — האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל תפיסות, לאַגערן און פאַרשיקונגס־ערטער; דער אַפּאַראַט פון דער זיכערהייט־פּאָליציי איז געוואַקסן ווי אויף הייוון און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקן כוח; דער פּערזאָנען־קולט פאַרן מנהיג איז דערגאַנגען צו געצנדינערײַ; יעטוועדער אויסדרוק פון אָפּאָזיציע איז דערדריקט געוואָרן מיט די ברוטאַלסטע מיטלען — דורך פאַלסיפיצירטע באַשולדיקונגען און מאָנסטער־פּראָצעסן, צי דורכן משפּטן אונטער די אויגן, אָדער סתם שליידערן אין תּפיסה און פאַרשיקונג אויף לאַנגע יאָרן, אָן אַן אויספאָרשונג, אָן אַ געריכט.

אַזוי האָבן אין משך פון די 50 יאָר געשפּאַנט צוזאַמען — ליכט און שאָטן, ריזיקע אויפטוען און שפּלדיקע מעשים, קאַמף פאַר שלום און פּאָליטישער אָפּאָרטוניזם, אומאויפהער־לעכער געראַנגל פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע... ביי אַנדערע, בעת ביי זיך אין לאַנד זענען די דאָזיקע באַגריפן געטרעטן געוואָרן מיט די פיס.

☆

מיר שיינט, אַז דער ענין דעמאָקראַטיע איז טאַקע געווען דער ערשטער און אַנטשיידנדיקס־טער חטא פון סאָוויעטישן רעזשים. וואָלט אין ראַטן־פאַרבאַנד געווען די מינדעסטע, פרייע עפנטלעכע מיינונג, וואָלטן עטלעכע צייטונגען (פון די הונדערטער וואָס דערשיינען דאָרט) געווען אַמאָל קריטיקירט באַשלוסן פון דער רעגירונג און פאַרטיי — וואָלט אפשר אַלץ אַוועק אין אַן אַנדערער ריכטונג. ליידער, איז יעדער רעזאָלוציע פון פּאַרטיי־צ.ק. און יעדער אַנטשיידונג פון אויבער־סאָוויעט, צי פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, ניט נאָר פּאָפּולאַריזירט געוואָרן, נאָר געלויבט געוואָרן ביזן הימל אַריין דורכן ראַדיאָ, פּרעסע, אין ספּעציעלע בראָשורן און אויסגאַבן. און אַלץ אין קאַזיאָנעם נוסח: ווי קלוג און פאָרויסזעענדיק און טריי דעם פאָלק איז אונדזער רעגירונג און אונדזער רומפולע באָלשעוויסטישע (אין די שפּעטערע יאָרן — קאָמו־ניסטישע) פּאַרטיי; ווי געניאַל איז דער גרויסער סטאַלין, דער פאָטער פון די פעלקער, די לויכטנדיקע זון!

סאָוויעטישע זשורנאַליסטן האָבן אין פאַרלויף פון די 50 יאָר געוווּסט נאָר צו זינגען הללויהס צו די מלוכהשע און פאַרטייאישע אינסטאַנצן. אין דער פאַרצווייגטער פּרעסע פון פסס״ר האָט קיינמאָל ניט געקענט דערשיינען אַן אָפּאָזיציאָנעלער מאמר, אַ קריטישע נאָטיץ, אַן אינטערפּעלאַציע צום גענעראַל־סעקרעטאַר צי צו וועלכן מיניסטער. אַלץ און אַלע האָבן באַדאַרפט נאָכזאָגן אמן, ניט אָפּווייכן, חלילה, פון דער ליניע, טריי דינען דעם פירער. ניט וויכטיק, אַז היינט הייסט ער לענין, מאָרגן — סטאַלין, שפּעטער כרושטשאָוו, קאָסיגין אא״וו.

דאָס זעלבע בנוגע די אַראָפּגעזעצטע און דערשאָסענע שעפן פון דער זיכערהייט־פּאָליציי: דזשערזשינסקי, יאַגאָדאַ, יעזשאָוו, בעריאַ און אַנדערע...

ווען כאָטש איין צייטונג פרעגט אין די יאָרן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, וועלכע איז אַן און פאַר זיך געווען אַ וויכטיקע אידעע און אויפטו, צי מוז דאָס איינפירן קאָלכאָזן זיין פאַרבונדן מיט מיליאָנען קרבנות און גורם זיין צו אַ שרעקלעכן הונגער אין די דרייסיקער יאָרן? — וואָלט אפשר די רעגירונג געענטפערט און זיך פאַרענטפערט, דערקלערט אירע ראַנגלענישן און שוועריקייטן. די פרעסע האָט נאָר געוווסט צו דערציילן, ווי ענטוזיאַסטיש לויפן פויערים זיך פאַרשרייבן אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס...

וואָלט דערלויבט געווען כאָטש איין אָפּאָזיציאָנעל אַרטיקל קעגן די „טשיסטקעס”, רדיפות, פּראָצעסן און ליקווידאַציע פון דער א. ג. „טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע”, אָדער אַרויסברענגען ספיקות, אַז טוכאַטשעווסקי, בליכער, גאַמאַרניק, צי אַ בוכאַרין, ראַדעק און פּיאַטאַקאָוו, זענען דאָך ניט געווען קיין שפּיאָנען און „שונאים פון פאָלק”, וועלכע האָבן זיך פאַרקויפט דעם דייטשן פאַשיזם און יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם — ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען די אינערלעכע אַנטוויקלונג אין ראַטן־פאַרבאַנד? וויפל טויזנטער אידעישע און טרייע קאָמוניסטן פון לאַנד און פון אויסלאַנד וואָלטן זיך אויסגעלעבט אין נחת און אין פריידן אין פסס"ר, געניסנדיק פון זייער אָקטאָבער־מי און מאַרקסיסטישער אמונה — אַנשטאָט אויסגעליפערט צו ווערן אין די ברוטאַלע הענט פון דער ג.פּ.או., צי נ.ק.וו.ד. אָדער ק.ג.ב., פאַרשיקט ווערן אין וויסטע לאַגערן, אָדער באַלד דערשאָסן צו ווערן?

וואָלט היינט געוואַגט דאָרט פרעגן אַ צייטונג, הלמאי מען ליפערט אַזוי פיל געווער פאַר די אַגרעסיווע אַראַבישע לענדער, בעת דעם אייגענעם פאָלק האָט מען נאָך נישט פאַרזיכערט אויף הונדערט פּראָצענט ברויט צו דער זעט, צי אַנדערע אַרטיקלען פון ערשטן טאָג־טעגלעכן געברויך?

און ניט נאָר לגבי דעם געדרוקטן וואָרט זענען געווען הארבע באַגרענעצונגען. אויך אין פאַרלאַמענטאַרישן לעבן האָט מען אַנדערש ניט געוווסט ווי די איין־און־איינציקע קאַנדידאַטן־ליסטע און כמעט פולע הונדערט פּראָצענט אָפּגעגעבענע שטימען פאַר אירטוועגן...

דאָס פעלן פון פרייהייט פון וואָרט האָט באַרויבט פון פרייהייט מיליאָנען סאָוויעטישע בירגער. דער מאַנגל אין דעמאָקראַטיע האָט גורם געווען צו הארבע אַנטי־דעמאָקראַטישע דערשיינונגען.

☆

וואָס שייך דעם יידישן בילאַנס צו די 50 יאָר אָקטאָבער, פאַלט ער אויס אַ סך אַ סך טרויעריקער ווי דער אַלגעמיינער סך־הכל. ווייל פון דעם אַלעמען וואָס איז געגעבן געוואָרן דער יידישער באַפעלקערונג אין די ערשטע 15 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע — יידישע שולן, ביכער־פאַרלאַגן, צייטונגען, טעאַטערס, אפילו אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט אין ביראָ־בידזשאַן — איז היינט קיין זכר ניט געבליבן. דאָס אויסמאָרדן די יידישע שרייבערס האָט באַוויזן די טענדענצן און כוונות פון די סאָוויעטישע מנהיגים כלפי דער יידישער מינדערהייט דאָרטן, וועלכע איז די איינציקע פון די פיל פעלקער, פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַסימילאַציע, אינטעגראַציע און פולשטענדיקן נאַציאָנאַלן ניהיליזם. בלויז געציילטע בתי־כנסת זענען דאָס איינציקע אָרט ווו יידן קענען זיך טרעפן ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע.

אַז מיר וועלן נאָך צו דעם צוגעבן די פאַרביסענע קעגנערשאַפט צום ציוניזם און צום יידישן אויפטו אין דער אויפגעריכטער מדינה, ווי אויך די האַנדלונג פון מאָסקווע כלפי ישראל — ערב, בעת און נאָכן זעקס־טאָגיקן קריג — פאָדערט זיך אַ סך מוט און גבורה, צו זאָגן היינט אַ גוט וואָרט וועגן רוסלאַנד...

אינעם נאָר־וואָס דערשינענעם בוך „חיי עם וויצמן" („מיין לעבן מיט וויצמאַנען"), דערציילט די אַלמנה פון ערשטן מדינה־פּרעזידענט, אַז ווען זי איז אין יאָר 1954 צוריק געפאָרן פון אַמעריקע, האָט זי אויף דער שיף געהאַט אַ געשפּרעך מיט סער ווינסטאָן טשערטשיל, וועלכער האָט איר געזאָגט: „די דאָזיקע מלחמה (צווישן ישראל און מצרים אין יאָר 1948 — ד. ש.) האָט ניט באַדאַרפט פּאַרקומען. אין אַלץ איז שולדיק בעווין — דער אַנטיסעמיט"... און וויערא ווייצמאַן פרעגט אים: „פאַר וואָס זאָל אַ סאָציאַליסט זיין אַן אַנטיסעמיט?"

די דאָזיקע דערציילונג איז ווי אָפּגעמאָסטן פאַר די יוני־געשעענישן אין יאָר 1967 אין אונדזער ראַיאָן. מען דאַרף בלויז פאַרטוישן דעם נאָמען בעווין אויף... קאָסיגין, נאָר דערביי ניט אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף די פּלייצעס פונעם לעצטן. אָבער אַ גרויסע אחריות פאַרן אויסברוך פון קריג און פאַרן ניט דערלאָזן צו אַ שלום צווישן די אַראַבער און ישראל, טראָגט די איצטיקע סאָוויעטישע רעגירונג. און די פראַגע „פאַר וואָס זאָל אַ סאָציאַליסט זיין אַן אַנטיסעמיט", מעג מען מיט אַ ריין געוויסן שטעלן פעדאָרענקאָן צי קיטשקאָן — און נאָר זיי זענען מסוגל צו געבן אויף דעם אַ תשובה...

☆

אויב ס'איז ריכטיק די פעסטשטעלונג, אַז די רעוואָלוציע עסט אויף אירע אייגענע קינדער — און אין פאַרלויף פון די 50 יאָר ראַטן־פאַרבאַנד איז אויף אַ טראַגיש־שוידערלעכן אופן דאָס באַשטעטיקט געוואָרן! — האָט דער אָקטאָבער באַוויזן פאַר דער צייט אויך „אויפצועסן" אַ סך פון זיינע אידעאַלן. די סאָציאַלע איבערקערעניש אין רוסלאַנד מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט אויף אירע פאָנען ניט געהאַט אָנגעשריבן די אַלע פאַרקריפּלונגען און מעשים, וועלכע האָבן געאַרניט צו טאָן מיטן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, נאָר פאַרקערט — זיי זענען אַ חילול השם פאַר די דאָזיקע באַצייכענונגען. דאָס אויפשטעלן אין לאַנד אַן „אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע" מיט דיספּראָפּאָרציאָנעל הויכע לוינען פונעם אַרבעטער און מיט אויסער־געוויינלעכע פּריווילעגיעס; דאָס פאַרוואַנדלען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין אַ פיליאַל פון דער פּאַרטיי און רעגירונג; דאָס צונעמען ביים פאָלק די עלעמענטאַרסטע דעמאָקראַטישע פרייהייט פון קריטיקירן אַמאָל די אינערלעכע, צי אויסערן־פּאָליטיק פון פאַרטיי־צ. ק. און פון דער רעגירונג; דאָס חברן זיך מיט כל־מיני רעאַקציאָנערע דיקטאַטאָרן, וועלכע ווערן מיט גרויס פאַראַד און כבוד אויפגענומען אויף די טריבונעס פון ערשטן מאַי און פון 7טן נאָוועמבער אין מאָסקווע, בעת אין די לענדער פון די דאָזיקע הערשערס, וועלכע די סאָוויעטן ווילן געווינען, שמאַכטן טויזנטער קאָמוניסטן אין די תפיסות. גלייכצייטיק איז ביי זיי נאָך פאַר־בליבן די אַלטע שנאה און פאַרביסענע קעגנערשאַפט צו די סאָציאַליסטישע פאַרטייען און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מנהיגים. דער ירדנער מלך חוסיין איז ביי זיי אַ גאָר אָנגעלייגטער גאַסט, דערפאַר וועט מען ניט איינלאַדן אין קרעמל אַ סאָציאַליסטישן פּרעמיער פון איינעם פון די סקאַנדינאַווישע לענדער. די דאָזיקע גראַוויטאַציע צו דיקטאַטאָרן און אַלערגיע צו סאָציאַליסטן, איז איינער פון די בולטסטע כאַראַקטער־שטריכן פון סאָוויעטישן רעזשים.

☆

אָבער טראָץ אַלעמען מוזן מיר אויף די איצטיקע רוסלאַנד זען פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו — סיי בנוגע דעם עבר, סיי בנוגע דער צוקונפט. דער בוים טאָר ניט פאַרשטעלן דעם וואַלד (ניט געקוקט דערויף, וואָס מאָסקווע האָט פאַרפלאַנצט אַ סך אַזעלכע „ביימער") — און אַלס סאָציאַליסטן און יידן דאַרף מען ניט אַרויסלאָזן פון אויג אויך דאָס פּאָזיטיווע פון אַמאָל און בטחון אויף ענדערונגען אין דער צוקונפט.

עס איז ניט אָפּצולייקענען, אַדער נעגירן די באַדייטונג פונעם אָקטאָבער פאַר די פעלקער אין געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד און זיין השפּעה אויפן באַפרייאונגס־קאַמף פון די אונטער־

דריקטע פעלקער אין אַזיע און אַפריקע; מען טאָר ניט פאַרגעסן אין דעם חסד מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע; אונדזער דור דאַרף אוודאי אין זינען האָבן די ראָל פון דער רויטער אַרמיי ביים דערפירן צו אַ מפלה פון דער היטלעריסטישער דייטשלאַנד, ווי אויך די גראָמיקאָ־דעקלאַראַציע און די סאָוויעטישע אַקטיווע שטיצע ביים אויפשטעלן די יידישע מדינה.

אַזעלכע ענדערונגען און עקסטרעמע ווי קעגנזעצלעכע האַנדלונגען פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק כלפי אַנדערע און אונדז, לאָזט איבער אַ פונק פון האָפענונג, אַז אויפן אַלגעמיין־סאָציאַליסטישן און יידיש־ישראלדיקן פראָנט זענען נאָך אפשר צו דערוואַרטן גינסטיקע איבעראַשונגען.

דערווייל איז דער פרילינג, וועלכן רוסלאַנד האָט אויסגעפיבערט מיט 50 יאָר צוריק, פאַרצויגן מיט אַ סך וואָלקנס, וואָס פאַרטונקלען דעם הימל פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ניט די היינטיקע סאָוויעטישע אָנפירונג וועט די שווערע וואָלקנס פונאַנדערטרייבן — נאָר אפשר די יעווטושענקאָס און אַנדערע, מער ליבעראַלע כוחות.

לאָמיר האָפן! (י״ש ת״א, נאָוועמבער 1967)

## בודאַפּעשט — מאָסקווע — פעקין

די באַראַטונג פון 67 קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וועלכע איז די טעג אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער הויפטשטאָט פון אונגאַרן, האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גרויסער וועלט — פון פריינד, ווי פון פיינד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון די סאָציאַליסטישע מדינות. בעת די ערשטע האָבן דערוואַרט פון בודאַפּעשט די בשורה פון באַנייאונג, פון קאָנסאָלידאַציע און — ווער ווייסט — אַ מעגלעכע פשרה (צי גאָר פאַרשאַרפטן ריס) צווישן מאָאָ טסע טונג און ברעזשניעוון, האָבן די קעגנער ניט געהאַט קיין ספיקות, אַז אויך דער איצטיקער, באַנייטער פרווו מצד מאָסקווע אויפצולעבן דעם גייסט פון קאָמינטערן, צי קאָמינפאָרם — וועט זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל...

פון די קאַרגע ידיעות, וואָס האָט ביז איצט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער באַראַטונג, איר צוזאַמענשטעל און אויפגאַבן — איז ניט שווער צו אַנאַליזירן און אפילו זיך דערלויבן אויף געוויסע פּראָגנאָזן בנוגע דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און גאַנג פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג בכלל און אויף די ווייטערדיקע באַציונגען צווישן מאָסקווע און פעקין בפרט.

זינט דעם ברוגז און אָפענער מחלוקת צווישן די קאָמוניסטישע פאַרטייען פון כינע און פון ראַטן־פאַרבאַנד, באַמיט זיך מאָסקווע צו זאַמלען אונטער איר פאָן אַלע מאַרקסיסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט, כדי איזאָלירן, סטעמפּלען און פאַראורטיילן מאָאָ טסע טונגס פאַרטיי אלס אָפּטריניקע, צי פאַרעטערין פון דער אָקטאָבער־אידייע. זי וויל עס נישט טאָן מיט דער זעלבער, שאַרפער פאַרביסנקייט, ווי סטאַלין בשעתו האָט זיך געפירט כלפי טיטאָן און יוגאָסלאַוויע. אָבער דער קרעמל, ווען ס׳איז שווער צו באַפרייען זיך פון דער קאָמינטערנישער און קאָמינפאָרמישער טראַדיציע, וויל ניט משלים זיין, אַז ווער פון דער מחנה, נאָך דערצו אַזאַ ריז ווי כינע, זאָל זיך פון אים אָפּגרענעצן, באַקעמפן און באַשמוצן מיטן באַקאַנטן לעקסיקאָן און באַשולדיקונגען, וועלכע מאָסקווע האָט אָנגעווענדט כלפי אירע פּאָליטישע קעגנערס. דער ביישפּיל פון כינע איז געוואָרן זייער אַנשטעקנדיק און אַנרעגנדיק, אַז אפילו אַזאַ געאָגראַפיש ווייטע פון כינע, אַלבאַניע, איז געוואָרן איר פאַרבינדעטער און הייסער אָנהענגער. אויך קובאַ איז געוואָרן אַ מורד במלכות, רומעניע גייט זיך איר וועג, און די קליינע האָלענדישע קאָמפּאַרטיי אידענטיפיצירט זיך נישט מיט מאָסקוועס שטעלונג צום קריזיס אין אונדזער ראַיאָן. די אַמאָל געהאַרכזאַמע קאָמוניסטישע פאַרטייען, וועלכע האָבן אָן

וואַקלונגען אָנגענומען דעם דיקטאַט פון מאָסקווער צענטער, ווילן איצט, אויף אַ סך געביטן, מאַכן שבת פאַר זיך, דערשיינען מיט אַ זעלבשטענדיקער מחשבה און אייגענע מעשים.

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די בכורה פון וועלן זיך באַפרייען פון מאָסקוועס דיקטאַט, געהערט אומבאַדינגט דעם מאַרשאַל טיטאָ. ער האָט נאָך אין יאָר 1946 „געוואָרפן די הענטשקע" דעם מעכטיקן און גרויזאַמען סטאַלין און אַ סך יאָרן אויסגעהאַלטן דעם פּאָליטישן בויקאָט און עקאָנאָמישע בלאָקאַדע מצד דער גאַנצער קאָמוניסטישער וועלט. פאַר וואָס פּעקין צאָרנט אַזוי אויף טיטאָן — איז שווער צו פאַרשטיין, ווייל בעצם איז ער דאָך געוועזן דער וועגווייזער און פאָרגייער פון איבעררייסן מיט מאָסקווע. נאָר אויב מאַאָ טסע טונג איז אַזוי אומדאַנקבאַר דער מאָסקווער וועגווייזערין, וועלכע האָט אים אַזוי פיל געהאָלפן אין דורכפירן דעם כינעזישן אָקטאָבער, טאָ וואָס פאַר אַ סענטימענטן קען זי שוין האָבן פאַרן יוגאָסלאַווישן דרך פון מרידה קעגן קרעמל?

מיר געדענקען די געשיכטע. אויך גאָמולקאַ האָט זיך געוואָלט גיין זיין „פּוילישן וועג", אָנשטאָט אויפן אַספּאַלטירטן סאָוויעטישן שאָסיי... נאָר בימי סטאַלין האָט מען זיך נישט צו פיל געצאַצקעט מיט אַזעלכע. גאָמולקאַן האָט גראָד אָפּגעגליקט מערער פון אַלעמען, אַנטקעגן אַזאַ סלאַנסקי, צי אַננאַ פּאַוקער.

נאָך כרושטשאָווס רעדע אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס און נאָך די פּרווון פון דע־סטאַלי־ניזאַציע, איז מאָסקווע שוין נישט מסוגל אַנצוּוואַרפן אַן אימה, צי אַנווענדן כוח כלפּי די ווידערשפּעניקע פּאַרטייען. זי מוז זוכן אַ פּשרה און איז אַפילו גרייט צו טאָלערירן אָפּנויגן. נאָר אויב דאָס אַלץ העלפט ניט — איזאָלירן און פאַראורטיילן דעם „בונטאָווששיק".

דאָס לעצטע טאַקע האָט געוואָלט דערגרייכן, מיט דער בודאַפּעשטער באַראַטונג, דער צ. ק. פון דער אַלפאַרבאַנדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איר אויסלענדישע אָפּטיילונג. ווייל אַלע נסיונות מצד דעם ראַטן־פאַרבאַנד זיך איבערצובעטן מיט כינע — האָבן געליטן אַ דורכפאַל. יש אומרים, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן ניט נאָר מיט אידעאָלאָגישע ענינים בנוגע די אָדער יענע פּירושים צום מאַרקסיזם־לעניניזם, נאָר אויך — און אפשר, דער עיקר — מיט טעריטאָריעלע פראַגן, גרענעצן, צוריק געבן שטחים אדג"ל.

דער האַרבער ריס צווישן די צוויי ריזן, פאַרשאַפט ברעזשניעוון אַ סך קאָפּווייטיק. כדי אויך אין אַנדערע פּאַרטייען זאָל ניט אַריין דער „כינעזישער דיבוק", טוט מאָסקווע אַלץ צו צעמענטירן די רייען און באַקומען פון אַלעמען אַ רעזאָלוציע וואָס זאָל פאַראורטיילן די ליניע פון פּעקין. צו דעם צוועק האָט זי צונויפגערופן די איצטיקע באַראַטונג אין בודאַפּעשט — נאָר ווידער אָן כינע, אָן דער קאָמפּאַרטיי פון צפון־וויעטנאַם און פון קובאַ. אַפילו די רומענישע פּאַרטיי, וועלכע האָט נאָכן דערפילן עטלעכע אירע באַדינגונגען, כדי צו קומען קיין בודאַפּעשט — האָט אין מיטן דער קאָנפערענץ זי פאַרלאָזט...

☆

דער „זעץ אין טיר" פון דער רומענישער דעלעגאַציע האָט באַוויזן, אַז אַפילו אויף אַזאַ נאָענטן שכן ווי בוקאַרעשט, איז מאָסקווע ניט אימשטאַנד היינט אויפצוצווינגען דיסציפּלין. די זעלבע רומעניע, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל זעלבשטענדיקייט כלפּי מאָסקווע, מוט כלפּי די אַראַבער און ערלעכקייט כלפּי מדינת ישראל פאַר, בעת און נאָכן זעקס־טאָגיקן קריג — האָט ניט געוואָלט משלים זיין מיט דער דעמאַגאָגישער קריטיק און אומגעצוימטער העצע קעגן איר מצד דעם סעקרעטאַר פון דער סירישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כאַלעד באַכדאַש. דער דאָזיקער שאָוויניסט, וועלכער ריכט מערער אָפּ גלות אין דער פרעמד, ווי ער זיצט אין דמשק, ווו עס הערשט אַ פּראָ־סאָוויעטישע רעגירונג, איז אויף דער באַראַטונג „געוואָרן דאָס מויל" פון מאָסקווע, צי פון דער מזרח־דייטשער פּאַרטיי און פאַרגעוואָרפן „ציוניזם" און „נאַציאָנאַליזם" דער רומענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

איז דאָס די איראָניע פון גורל, צי אַ פּועל־יוצא פון אַ באַשטימטער לאָגישער אַנטוויקלונג — נאָר אַ פאַקט איז, אַז פּונקט ווי דער סאָוויעטיש־מצרישער בלאָף וועגן אַ כלומרשטער קאָנצענט־ראַציע פון ישראלדיקן מיליטער ביי דער סירישער גרענעץ האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען צום מלחמה־פייער אויפן נאָענטן מזרח, אַזוי האָט אויך איצט דער סירישער דעלעגאַט אין בודאַפּעשט צעבלאָזן פונדאַסניי דאָס מלחמה־פייער צווישן מאָסקווע און בוקאַרעשט.

די רומענער אין בודאַפּעשט האָבן געפאָדערט, אַז באַכדאַש זאָל נישט נאָר צוריקציען זיינע רייד, נאָר אַז די אַנדערע דעלעגאַציעס זאָלן פאַרורטיילן זיין אַרויסטריט. ווייל אַזוי איז בפירוש געווען אָפּגערעדט: קיינער ווערט נישט אָנגעריפן — סיי די אָנוועזנדיקע קאָמו־ניסטישע פּאַרטייען אויף דער באַראַטונג, סיי די וואָס וועלן דאָרט ניט זיין. אָבער סיריע האָט זיך איר וועג אין אונדזער ראַיאָן, און אויך — אויף קאָמוניסטישע צוזאַמענקונפטן. אומעטום די זעלבע עקסטרעמקייט, עקסטראַוואַגאַנטקייט, חוצפה און... אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט.

און נאָך אַ „ישראלדיקער מאָמענט” אויף דער בודאַפּעשטער באַראַטונג. מק”י — די ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע איז לעצטנס געוואָרן אַ חוזר בתשובה בנוגע דער יידישער מדינה און אַ כופר בעיקר אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אויפן נאָענטן מזרח — איז קיין בודאַפּעשט ניט געוואָרן איינגעלאַדן. דער „חטא” פון טשאַושעסקון אויף דעם געביט איז אפשר אַ האַרבערער ווי פון מיקוניסן — אָבער אויף וויפיל מאָסקווע איז געגאַנגען אין לעבן, אַז די רומעניש פּאַרטיי זאָל יאָ זיין פאַרטרעטן, אַזוי האָט זי פאַר מק”י לכתחילה פאַרקלאַפּט די טיר, ניט געשיקט קיין איינלאַדונג, ניט געווען פאַראינטערעסירט צו הערן אירע פאַרשטייער. מק”י האָט זיך געפילט געטראָפן פון אַזאַ באַציונג מצד מאָסקווע און געשריבן אַ פּראָטעסט צו דער אָרגאַניזאַטאָרין און גאַסטגעבערין פון דער בודאַפּעשטער באַראַטונג — צום צ. ק. פון דער אונגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיקוניס, סנה און ווילענסקאַ שרייבן צוו. אַנד. אין דעם בריוו, אַז דאָס ניט איינלאַדן זיי צו דער באַראַטונג איז „אין פולשטענדיקער סתירה צו די נאָרמעס וואָס פאַרפליכטן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, צו דער זאַך פון איינינקייט”...

ווי שווער ס'איז אַרויס צו שפּרינגען פון דער אייגענער הויט! ווער נאָך ווי די דריי מחברים פון דעם דאָזיקן בריוו ווייסן, אַז דער חרם פון מק”י, ווי פון גאַנצע מדינות, איז ניט אין סתירה צו קאָמוניסטישע נאָרמעס, נאָר גראָד אַ גענעראַל־ליניע, אַן „אני־מאמין” פון סוסלאָוון און ברעזשניעוון, פון אולבריכטן און גאָמולקאָן. ווייל קאָמוניסטישע נאָרמעס האָבן תמיד באַטייט „ווער עס איז ניט מיט אונדז — דער איז קעגן אונדז”. דערפאַר האָט מען אַזוי ריקזיכטלאָז געהאַנדלט בשעתו מיט טיטאָן און גאָמולקאָן, ווי איצט כלפי מיקוניסן און יידישע קאָמוניסטן אין די תפוצות, וועלכע ווילן ניט בלינד פאָלגן מאָסקווע.

און דאָ ליגט דער שליסל פונעם דערפאָלג פון דער איצטיקער באַראַטונג, צי פון דעם צוקונפטיקן קאָנגרעס פון די קאָמפּאַרטייען:

באַפרייען זיך פון די ביז איצטיקע קאָמוניסטישע נאָרמעס פון דיקטאַט, פון אונטעראָרדענען זיך איין צענטער (דעם מאָסקווער, צי פּעקינער), ליקווידירן יענע איינשטעלונגען, וואָס האָבן אויף אַ געצנדינערישן אופן פאַרשקלאַפּט גאַנצע קאָמוניסטישע פּאַרטייען און אירע מנהיגים צו מאָסקווע.

די בודאַפּעשטער באַראַטונג האָט באַוויזן, אַז דער וועג פון דעמאָקראַטיזאַציע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז אַ נאָך פּאַמעלעכערער און מיט ניט ווייניקער זיגזאַגן און צוריקטריטן, ווי די סאָוויעטישע דעסטאַליניזאַציע.

(י”ש ת”א, 6.3.68)

# אַנטי־יידישער דזשונגל אין פוילן

פאַריקע וואָך האָט די ישראל־רעגירונג אַנולירט דעם האַנדלס־אָפּמאַך מיט פוילן, ווייל אין לעצטן יאָר, זינט עס זענען איבערגעריסן געוואָרן די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען צווישן וואַרשע און ירושלים, האָט יענער צד גאָרניט געטאָן, כדי דערפילן די התחייבותן פונעם אונטערגעשריבענעם הסכם, אַפילו שולדיק געבליבן אַ חוב פון 2,5 מיליאָן דאָלאַר פאַר געליפערטע סחורות. אין קעגנזאַץ צו אונגאַרן, בולגאַריע און יוגאָסלאַוויע, וועלכע האָבן טראָץ די איבערגעריסענע דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, ניט אָפּגעשטעלט דעם האַנדל מיט ישראל — האָט פוילן אויך אויף דעם געביט דעמאָנסטרירט איר פאַרביסנקייט און פאַריסנקייט. דעריבער איז דאָס בטל מאַכן מצד ירושלים דעם האַנדלס־אָפּמאַך, געווען בלויז אַ פאָרמעלער אַקט צו אַ פאַקטישן צושטאַנד.

איצט וועט די פוילישע פּרעסע ווידער האָבן אַ געלעגנהייט אָנצופאַלן אויף דער ישראל־רעגירונג, הלמאי זי האָנאָרירט ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע און צווישן־מלוכהשע הסכמים, איז זיי מבטל איינזייטיק — און דערביי דערמאָנען שעקספּירס העלד, שיילאָקן, ווי די ישראלדיקע פאַרקערפּערונג פון גייציקייט, אומערלעכער מסחר, שפּעקולאַציע אדג״ל. נאָר אַזאַ סאָרט באַשולדיקונג ווי שיילאָק, איז בעצם אַ קאָמפּלימענט אַנטקעגן דעם ביזאיצטיקן, נבזהדיקן לעקסיקאָן מצד דער פוילישער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע אויפן חשבון פון מדינת ישראל, דעם ציוניזם און דער יידישער מינדערהייט דאָרטן.

אַזוי ווי די איצטיקע הערשער פון פוילן זענען שטאַרק עמפּינדלעך און באַליידיקט אויף דעם פאָרוואורף אַנטיסעמיטיזם, אַז זיי האָבן אַפילו געשיקט קיין לאָנדאָן דעם זשורנאַליסט יעזשי לאָבמאַן און דעם באַקאַנטן רעטער פון יידן בעת דער אָקופּאַציע, מאַרעק אַרטשינסקי, אָפּצולייקענען די דאָזיקע באַשולדיקונג — וועלן מיר זיי צוליב טאָן און די פּאָליטיק פון דער ציראַנקעוויטש־רעגירונג און גאָמולקאַ־פּאַרטיי באַצייכענען בלויז ווי אַן אַנטי־יידישע, ניט אַנטיסעמיטישע, צוליב עטלעכע טעמים:

ווי באַוווסט, געהערן אויך די אַראַבער צו די סעמיטישע פעלקער — און ווער וועט היינט חושד זיין וואַרשע און מאָסקווע, אַז זיי זענען אַנטי־מצריש, אַנטי־סיריש צי אַנטי־אַלזשיריש;

מדינת ישראל איז דאָך אַ יידישע מדינה — און ניט קיין סעמיטישע; פּונקט ווי די ציוניסטישע באַוועגונג באַשטייט פון בלויז יידן — און ניט פון סעמיטן; אויך די 20, צי 30 טויזנט פון דער שארית הפליטה אין פוילן — זענען יידן. וועלן מיר טאַקע באַפרייען וואַרשע פונעם אַנטיסעמיטישן פאָרוואורף, און פאַרבייטן מיט אַן אַנדערער באַצייכענונג: אַנטי־יידישער דזשונגל!

דער באַליבטסטער אַרגומענט קעגן ישראל מצד די קאָמוניסטישע לענדער אין מזרח־אייראָפּע איז דער, אַז מיר זענען היטלערס יורשים און נאָכפאָלגער אויפן נאָענטן אָריענט, אַז מיר ווענדן אָן געסטאַפּאָ־מעטאָדן כלפּי די אַראַבער און אַז נאָר אַ דאַנק דער הילף פון נעאָ־נאַציזם מערב־דייטשלאַנד, האָבן מיר אָפּגעהאַלטן דעם נצחון אין יוני 1967. אַ מין „ישראל־נאַציס". פּונקט ווי די ענדעקעס און די היטלעריסטן מיט אַ 30 יאָר צוריק, האָבן געסטראַשעט די וועלט מיט „זשידאָ־קאָמונאַ". אַ מאָדנער „גילגול פון אַ ניגון" — גאָמולקאַ און מאָטשאַר האָבן עטוואָס „קאָרעגירט" דאָס שרעק־וואָרט פון אַדאָלף נאָוואַטשינסקי און אַדאָלף היטלער...

אין שטרייכערס „שטירמער" האָט מען אָפט מזווג געווען ד״ר חיים ווייצמאַן מיט וולאַדימיר לענין, נחום סאָקאָלאָוו מיט לעוו טראָצקי און הרב אבא הלל סילווער מיט יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין. איצט האָט דער לאָדזשער „גלאָס ראָבאָטניטשי" („אַרבעטער־שטימע")

אָפּגעדרוקט אַן אָפענעם בריוו פון פיאָטר גאָשטשינסקי צו גאָלדע מאיר — און אונדז צונויפגע־פּאָרט מיט די גרעסטע רוצחים פון „דריטן רייך״.

מעשה תם פרעגט גאָשטשינסקי: „איז אמת וואָס מען זאָגט, אַז אייער גענעראַליסימוס איז נישט משה דיין, נאָר דער ס.ס.־פּאָלקאָווניק אָטאָ סקאָרצעני און אַז דאָס פאַרשטעלטע אויג איז נאָר כדי נישט קענען אים אידענטיפיצירן?״ אויך האָט גאָשטשינסקי געהערט, אַז גאָלדע מאיר באַהאַלט אויס ביי זיך אין שטוב (פאַר אַ סך געלט, פאַרשטייט זיך), מאַרטין באָרמאַן, היטלערס פאַרטרעטער. און נאָך אַזאַ „שידוך״ — קומט אַ וואָרענונג: „אייער דראַנג נאָך אָסטען, לויט היטלערס ביישפּיל, וועט ניט מצליח זיין. פריער אָדער שפּעטער וועט איר דאַרפן צוריק געבן אַלץ, וואָס איז נישט אייערס, ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט יענעם אַדאָלפן״.

דער דאָזיקער פיאָטער האָט אויך „הומאָר״. צום סוף פון זיין בריוו, גיט ער גאָלדען אַן עצה: „בכלל, פרוי מאיר, בעסער איר זאָלט אַקטונג געבן, צי אייער טשאָלנט איז ניט צופיל פאַרברענט געוואָרן — פאַר פּוילן דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן״.

אָבער נישט אַלע זשורנאַליסטן דאָרט באַנוצן זיך קעגן ישראל מיטן טשאָלנט־אַרגומענט. לאָדזש איז סוף־כל־סוף אַ פּראָווינץ אַנטקעגן וואַרשע. דאָ, אין דער הויפּט־שטאָט, איז דער אַנטי־יידישער גיפט באַגרינדעט מער מאַרקסיסטיש, לויטן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. „זשיטשע וואַרשאַווי״ האָט פאַריקן חודש געשריבן, כמעט יעדן טאָג: „ישראל גרייט אַ ווייטערדיקע אַגרעסיע. עס קומען דאָרט פאַר מיליטערישע קאָנצענטראַציעס און מאָביליזאַציע פון רעזער־וויסטן״. אָדער אַזאַ ידיעה: „די ישראלדיקע סאָלדאַטעסקע ווענדעט אָן טעראָר און רעפּרעסיעס לגבי דער אַראַבישער באַפעלקערונג אויף די פאַרנומענע געביטן. אין דער זעלבער צייט חזרן זיך כסדר איבער די אומאויפהערלעכע באַוואָפנטע פּראָוואָקאַציעס פון ישראל כלפּי די אַראַבישע לענדער״.

דאָס איז די תורה בכתב. כדי צו פאַרמיאוסן און באַשמוצן ישראל, איז עס נאָך אַלץ ווינציק. די תורה בעל־פּה איז אין יענע לענדער שטאַרק אַנטוויקלט. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען אין דער ראַדיאָ־פאַבריק אין וואַרשע, וואָס טראָגט דעם יידישן נאָמען ראָזאַ לוקסעמבורג, האָט מען געשיקט רעדן דעם וויצע־פּרעמיער עאוגעניוש שיר, דער איינציק פאַרבליבענער יידישער קאַבינעט־מיטגליד אין היינטיקן פּוילן. די פּוילישע אַרבעטער זענען גיכער באַזאָרגט מיט זייערע פּראָבלעמען פון אַ העכערן לוין, פון בעסער קענען אָפעסן און זיך באַקליידן, פון נישט דאַרפן אויסגעבן דעם געהאַלט פון אַ האַלבן חודש אויף אַ פּאָר שיך. וועגן דעם האָט דער וויצע־פּרעמיער נישט גערעדט קיין וואָרט, ווייל ער האָט גאָר צו פאַרקויפן „ציוניסטישע סחורה״. מיט פּאַטאָס רעדט ער אויף דעם אַרבעטער־מיטינג:

> „מיר זענען שטאָלץ פון דער בשותפותדיקער מלחמה וואָס יידישע און פּוילישע קאָמוניסטן האָבן געפירט קעגן ציוניזם צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איידער ס׳איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל. היינט פירן מיר אַ קאַמף קעגן ציוניזם, ווען מדינת ישראל, דער אימפּעריאַליסטישער אַגענט אויפן נאָענטן מזרח, פאַרשטאַרקט זיבנפאַכיק די דאָזיקע געפאַר. דער אינטערנאַציאָנאַלער ציוניזם איז באַזונדערס געפערלעך, ווייל ר׳איז פאַרבונדן מיט דער רעאַקציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער״.

ווייזט אויס, אַז די צייטונגען און איניציאירטע פאַרזאַמלונגען, האָבן נאָך אַלץ נישט באַפרייט דאָס קנאַפּע 30 מיליאָניקע פּוילישע פאָלק פון דער השפעה מצד דער 2,5 מיליאָניקער ישראל און דער ציוניסטישער ווירקונג מצד דעם הייפל אַנטי־ציוניסטישע יידן, וואָס זענען געבליבן אין פּוילן, הגם זיי האָבן געהאַט גענוג מעגלעכקייטן זי צו פאַרלאָזן — און אויך די מלוכהשע פאַרלאַגן גיבן זייער ליטעראַרישן צושטייער צו די פאַרלוימדונגען אויף אונדזער מדינה. לעצטנס איז ווידער דערשינען אַ בוך פון יאַן דזשעדזשיץ און ד״ר טאַדעאוש וואַליכאָווסקי

„די אַגרעסיע פון מדינת ישראל", אין וועלכן עס ווערן באַשריבן די שלום־ליבנדיקע אַראַבער אַנטקעגן די בלוטדורשטיקע ישראלים.

✡

נישט געקוקט אויף אַלע טענות פון פוילנס אַנפירונג, אַז זיי באַשולדיקן נאָר ישראל און דעם ציוניזם, און אַז זיי זענען ווייט פון אַנטיסעמיטיזם — מוז אָבער פאַרט אַרויס די אַל פון זאַק, ווי דאָס איז געשען אינעם אַרטיקל פון אַנדזשיי ווערבלען, וועלכער רעדט אָפן און אומפאַרשעמט, אַז עס זענען פאַראַן צופיל יידן אין די פּאַרטייאישע און מלוכהשע אינסטי־טוציעס, אמטן און אינסטאַנצן. דער דאָזיקער אַנדזשיי גריבלט זיך אַפילו אין דער פאַרגאַנגענהייט און ברענגט אַ סטאַטיסטיק, אַז בעת די יידישע באַפעלקערונג אין פאַרמלחמהדיקן פוילן האָט געבילדעט נאָר 9%, האָט די צאָל יידישע חברים און דער ק.פּ.פּ. (פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי) באַטראָפן פון 22 ביז 26 פּראָצענט. אַזאַ גרויסער אָנטייל פון יידן־קאָמוניסטן אינעם קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטיש פוילן, וואָלט דאַך אייגנטלעך באַדאַרפט זיין „גוט פאַר יידן" און די באַציונג צו זיי איצט וואָלט באמת באַדאַרפט זיין אַן אַנדערע ווי צו... מדינת ישראל. אָבער נעכטיקע טעג! דער זעלבער ווערבלען שרייבט:

„קיין שום געזעלשאַפט קען נישט פאַרטראָגן אַן איבערגעטריבענעם אָנטייל פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין די שפּיצן פון די מאַכט־אָרגאַנען, באַזונדערס אין די אַמטן פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, זיכערקייט, פּראָפּאַגאַנדע און רעפּרעזענטאַנץ אין אויסלאַנד".

די דאָזיקע שורות זענען געשריבן געוואָרן אַ ביסל יאָרן נאָך דעם, ווי פון די ערשטע יידישע גרינדער און בויער פון היינטיקן פוילן, ווי אַלפרעד לאַמפּע, ראָמאַן זאַמבראָווסקי, הילאַרי מינץ, יאַקוב בערמאַן — איז קיין זכר נישט געבליבן. אָדער זיי זענען אַוועק אויפן עולם האמת, אָדער געפאַלן אַ קרבן פונעם עולם השקר, אין וועלכן עס לעבט זיך אויס דער רעזשים... דעריבער איז אויך אין דעם פאַל אוממעגלעך זיך אָפּצוזאָגן פון דער אַנאַלאָגיע מיטן ענדעקישן אַנטיסעמיטיזם פון פאַר דער מלחמה, וועגן אַ „פאַריידישטע פוילן", צי מיט דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע וועגן איבערטריבענע „יידישע איינפלוסן", אָדער מיט כרושטשאָווס באַרימטן זאָג אין וואַרשע אין יאָר 1956 וועגן „צו פיל אַבראַמאָוויטשעס"...

איז דען אַ וווּנדער, אַז אין די טעג זענען אָנגעקומען פון פוילן אַלאַרמירנדיקע, ממש אויפשוידערנדיקע ידיעות וועגן דער לאַגע פון דעם ביסל יידן אין יענעם לאַנד. דיפּלאָמאַטן און טוריסטן וואָס זענען צוריק געקומען קיין מערב־אייראָפּע פון באַזוכן אין וואַרשע, קראָקע, לאָדזש און וראָצלאַוו דערציילן וועגן מאַסן־אַרעסטן און פאַלן פון זעלבסטמאָרדן צווישן דער שארית הפליטה; וועגן דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון יידישע עלטערן, וועמענס קינדער, סטודענטן, זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין תפיסה פאַרן אָנטייל נעמען אין דעמאָנסטראַ־ציעס; אַז היי־יאָר האָט מען נישט געעפנט די זומער־קאָלאָניע פאַר יידישע יוגנט און קינדער; אַז אַ פינף טויזנט אַלטע לייט און אינוואַלידן, וועלכע האָבן באַקומען שטיצע פון „דזשאָינט", זענען איצט אויסגעשטעלט אויף די מאָגערע הונגער־פּענסיעס פון דער רעגירונג. און אחרון־אחרון — מען מאַכט געוואַלטיקע שוועריקייטן די יידן וואָס ווילן עמיגרירן, הגם גאָמולקאַ האָט ערשט נישט לאַנג דערקלערט, אַז ווער עס וויל פאָרן קיין ישראל (אַ מין „סאָציאַליסטישער וואַריאַנט" פון „זשידזשע דאָ פּאַלעסטיני") — וועט עס קענען טאָן אומגעשטערט.

אַ טייל דיפּלאָמאַטן זענען ביי דער מיינונג, אַז מען וואָלט אפשר באַדאַרפט פאָדערן פון דער אונ"אָ אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו פאָרשן די לאַגע פון דער יידישער מינדערהייט אין פוילן, ווייל דאָס דאָזיקע לאַנד איז היינט פיל אַנטיסעמיטישער ווי דער ראַטן־פאַרבאַנד. אויב אַפילו מיר זאָלן אַ העלפט פון דעם בינטל ידיעות אָננעמען פאַר נישט ריכטיקע, צי איבערגעטריבענע, איז אויך די פאַרבליבענע העלפט איבערגענוג אויף צו דערוועקן טיפע

זאָרג ביי אחינו בני ישראל אין דער גאַנצער וועלט בנוגע דעם גורל פון זייערע ברידער אין פּוילן.

✡

האָבן מיר זוכה געווען דערצו, אַז 7 יידישע לינקע און פּראָ־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, די זעלבע וואָס האָבן בשעתו בלינד און געהאָרכזאַם נאָכגעזאָגט אמן אויף אַלע אַנטי־יידישע האַנדלונגען און שריט מצד מאָסקווע — האָבן די טעג אָפּגעדרוקט אַ מעמאָראַנדום צום דיפּלאָמאַטישן פאָרשטייער פון פּוילן אין אונ"אָ און צום פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין וועלכן זיי ברענגען אַרויס זייער דערשיטערונג און זאָרג צוליב דער הערשנדיקער לאַגע אין פּוילן.

„מיר מיינען, אַז דאָס איז אַן אַלטער מאַנעווער צו פאַרוואַנדלען דאָס רעשטל יידן אין פּוילן אין אַ שעיר לעזאזל פאַרן איצטיקן שווערן מצב. מיר האָבן מורא, אַז דער גראָבער פּרווו צוצושעפּען ציוניזם צו די שוועריקייטן פאַר וועלכע עס שטייט היינט פּוילן, איז נישט אַנדערש ווי אַנטיסעמיטיזם".

די פאָרשטייער פון די זיבן אָרגאַניזאַציעס, ווי „איקוף", „אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פּוילישע יידן", „וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפט" און אַנדערע, בעטן די אַמבאַסאַדאָרן איבער־ווייזן זייער ווענדונג דער פּוילישער רעגירונג — און ווער ווייסט, אָדער זיי וועלן זוכה זיין צו אַן אַנשטענדיקן ענטפער (פּאָרט אייגענע מענטשן!), אָדער מען וועט זיי גאָר אַריינשיקן אַ וואַרשעווער הרב לעווין אויף אַ באַזוך (ווי דאָס האָט לעצטנס געטאָן מאָסקווע), אָדער מען וועט אַפילו נישט באַווייליקן צו ענטפערן (אויך אויף אַזאַ גראָבקייט זענען זיי פעיק!).

דערווייל גרייט מען אין פּוילן אינסצעניזירטע פּראָצעסן קעגן יענע סטודענטן, וועלכע האָבן אין די מערץ־געשעענישן פּראָטעסטירט קעגן פאַרבאָט צו שפּילן מיצקעוויטשעס „דזשאַדי", געפאָדערט ליבעראַליזאַציע פון רעזשים און אַ ביסל ווייניקער פאַרשקלאַפטקייט צו מאָסקווע. נאָר די שאַרף פון באַשולדיקונגס־אַקט וועט זיכער זיין געווענדעט קעגן די יידישע סטודענטן און זייערע „ציוניסטישע פאַרברעכנס". נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך דאָ וועלן מיר זיין עדות פון אַ גילגול פון די טרויעריק־באַרימטע מאָסקווער מאָנסטער־פּראָצעסן אין די דרייסיקער יאָרן. לאָמיר זיך ניט ווונדערן, אויב אויף איינעם פון די הויפּט־באַשולדיקטע וועט דער פּראָקוראָר אויסרופן, אַז אַזאַ פאַרברעכער האָט נאָר געקענט געבוירן ווערן פון אַ יידישן טאַטן און ציוניסטישער מאַמען (געננוי ווי ווישינסקי האָט בשעתו באַשולדיקט בוכאַרינען, אַז אַזאַ פאַרשוין האָט געקענט קומען אויף דער וועלט, ווייל אַ הונט האָט זיך געפּאָרט מיט אַ חזיר...).

דאָס סאַמע פיינלעכסטע און פאַרברעכערישסטע איז דער פאַקט, וואָס די אַלע אַנטי־ישראלדיקע שקרים און אַנטי־יידישע בלבולים טרעפן זיך נישט אָן אין יענעם לאַנד אויף קיין שום פּראָטעסט, רעאַגירונג, צי דעמענטירונג. דער עולם מוז אָננעמען אַלץ פאַר אמת, מען וועט נישט וואַגן באַקלאָגן זיך אין סיים, אין דער פּרעסע, אויף אַ פאַרזאַמלונג. דער רעזשים האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע זאָלביים פאָלק צוגערויבט ווערן די עלעמענטאַרסטע דעמאָקראַטישע רעכט, אַז אַנשטאָט קריטיק זאָל הערשן פּחדנות און חניפה. אַפילו די יידישע צייטונג „פאָלקס־שטימע" דאַרף מעשה אנוסים פאַרשווייגן די מינדעסטע ידיעה פון תל־אביב, נאָר שפּייזן אירע לייענער מיט די פּרעסע־קאָמוניקאַטן פון קאַיר, מאָסקווע, דמשק, וואַרשע, רבת־עמון און מזרח־בערלין.

פאַר די יידן אין פּוילן, ווי פאַר זייערע ברידער אין דער גאָרער וועלט, איז נישט וויכטיק דאָס גריבלען זיך אינעם שורש פון איצטיקן שאַרפן אַנטי־יידישן קורס. איז דאָס די אַנטיסע־מיטישע ירושה פון דער ענדעציע, נאַרא, סאַנאַציע און איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן אינעם פּוילישן פאָלק זינט דור־דורות; צי די איבערגעטריבענע פאַרשקלאַפונג צו מאָסקווע; אָדער

אָן אויסדרוק פונעם אינערלעך־פּאַרטייאישן געראַנגל צווישן מאָטשאַרן („באַזייטיקן אַלע אָן אויסנאַם יידן״) און גאָמולקאַן, וועלכער איז נישט אַזוי עקסטרעם אַנטי־יידיש; צי איז עס גאָר אַ נעאָ־אַנטיסעמיטיזם, אויסגעוואָקסן אויפן באָדן פונעם נייעם פּוילן. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די אַלע עלעמענטן גיבן זייער בכבודיקן חלק אינעם אויספאָרמירן אַ נייעם טיפּ אַנטיסעמיטיזם, מיט אַן עטוואָס געענדערטן אַדרעס — מדינת ישראל און ציוניזם, ווי עס פּאַסט פאַר די טרעגער פון דער נייער אידעאָלאָגיע — וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ און יוזעף ציראַנקעוויטש, אַנשטאָט ראָמאַן דמאָווסקי און אַדאָלף נאָוואַטשינסקי.

☆

לאָמיר האָפן, אַז דעם ישראלדיקן מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע וועט געלינגען איינצומאָנען דעם חוב פון 2,5 מיליאָן דאָלאַר פון דער פּוילישער רעגירונג. אָבער ווי אַזוי און ווען וועט אַ פּוילישן ייד און אַ סאָציאַליסט דערצו, דער וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיינע בעסטע יאָרן פאַרן איצטיקן פּוילן, געלינגען איינצומאָנען דעם מאָראַלישן, היסטאָרישן, נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן חוב? מיליאָנען דאָלאַרן וועט פּוילן לייכטער אָנקומען אָפּצוצאָלן, איידער רעהאַביליטירן די לעצטע אַנטי־ישראלדיקע שריט און סילוקן אירע טונקעלע, אַנטי־יידישע חשבונות...

(י״ש ת״א, 10.7.68)

## רויזן און דערנער

באַזונדיק די טעג די אינטערנאַציאָנאַלע בלומען־אויסשטעלונג אין רמת־גן, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַ פּאָפּולערע ישראלדיקע ליד „דבר אלי בפרחים״ („רעד צו מיר מיט בלומען״) — ווייל אַזוי איינדרוקספול און לעבעדיק איז די שפּראַך פון די טויזנטער פאַרביקע געוויקסן און פלאַנצן, מיט וועלכע עס זענען רעפּרעזענטירט אויף דער אויסשטעלונג 14 לענדער מיט פאַרשיידענע רעזשימען.

### „זאָגט דאָס מיט בלומען״

פון די גאָר קנאַפּע, נאָר געשמאַקע אויפשריפטן אין איינעם פון די פּאַווילאָנען לייענען מיר, אַז אויב איר ווילט אויסדריקן געפילן פון סימפּאַטיע, אָנערקענונג צי דאַנקבאַרקייט — זאָגט עס מיט בלומען. און מען פילט דאָס אויף טריט און שריט. „אינטערפלאָראַ״ — די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַר בלומען־צוכט און בלומען־האַנדל, וועלכע האָט די אַפּוטרופּסות איבער דער רמת־גנער אויסשטעלונג, האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז כמעט יעדן צווייטן טאָג זאָלן פרישע טראַנספּאָרטן בלומען פון פראַנקרייך, שוועדן, נאָרוועגיע, שווייץ, טשעכאָסלאָוואַקיע, גריכנלאַנד, דרום־אַפריקע, פּוילן, ניו־זעלאַנד, פּאַראייניקטע שטאַטן, מערב־דייטשלאַנד, האָלאַנד, איטאַליע און בעלגיע, באַצירן די שטענדן אינעם נאַציאָנאַלן פּאַרק אין רמת־גן.

ס'איז קלאָר, אַז אַפילו אַזאַ אומשולדיקע אימפּרעזע ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע בלומען־אויסשטעלונג, מוז היינטיקע צייטן האָבן די דערלויבעניש פונעם אויסערן־מיניסטעריום פון יעדער מדינה, צי פון אַן אַנטשפּרעכנדיקן דעפּאַרטאַמענט. עס וואָלט כדאַי געווען אַ גרונטלעכע פּסיכאָלאָגישע אויספאָרשונג ביי יענע דעצידירנדיקע פאַקטאָרן אין געוויסע לענדער, וועלכע האָבן געגעבן זייער הסכמה צו שיקן בלומען־עקספּאָנאַטן קיין ישראל. וואָס זענען אויסן געווען פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע מיט זייער אָנטייל אין דער אויסשטעלונג? אויסדריקן

ישראל (מיט דער שפּראַך פון בלומען, פאַרשטייט זיך) סימפּאַטיע פאַר אונדזער אויסדויער קעגן נאַצערס הויפּט-שותּף, מאָסקווע, וועלכע האָט באַהערשט די צוויי מזרח-אייראָפּעישע לענדער און ווען נייטיק דערפּירט דערצו, אַז איין שותּף זאָל באַצווינגען דעם צווייטן? אָדער אַרויסוויַיזן דער קליינער מדינה אויפן נאָענטן מזרח אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט פאַר איר קעגנשטעלן זיך מיט דערפאָלג די שכנים-אַגרעסאָרן און ניט וועלן זיין אַ קרבן, ווי זיי זענען עס געווען אין די יאָרן 1938, 1939, 1944 און 1968?

ווען די בלומען פון וואַרשע און פּראַג, וואָס זענען איצט אויסגעשטעלט אין רמת־גן, וואָלטן געקענט ריידן — סאַראָ געשיכטעס מיר וואָלטן זיך אָנגעהערט פון יענע לענדער... זיי וואָלטן אוודאי געמעגט פאַרגלייכן זייער אייגענעם גורל צום גורל פון די געטרייסטע זין פון דער רעוואָלוציע. אָט צעוואַקסן זיך שיינע רויזן אין אַ גאָרטן, זיי קוויקן דאָס אויג, פאַרשיכורן מיט זייער דופט, באַצירן דערנאָך וויינונגען, זאַלן און שמחות — ביז מען וואַרפט זיי אַוועק אויפן מיסטקאַסטן... אַזוי איז דאָך אין די לעצטע צוויי יאָר געשען אין פּוילן, ווען זיי האָבן די געטרייסטע און אידעישסטע יידישע חברים געשלידערט פון דער פּאַרטיי, פון די פּאָסטנס, פון דער מדינה — וועלכע זיי האָבן אַזוי באַשיינט און באַצירט. אַזוי געשעט אויך אין די לעצטע טעג אין טשעכאָסלאָוואַקיע מיט די ליבעראַלע קאָמוניסטן ווי דובטשעק, סמערקאָווסקי און אַנדערע, וועלכע האָבן אויפריכטיק געוואָלט פאַרשענען און פאַרבעסערן דעם סאָציאַליזם, געבן אים אַ מער מענטשלעכן לבוש.

...שטייסטו אַזוי ביי די בלומען פון פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע וואָס אויף דער ישראל־דיקער ערד — און טראַכסט: וויפיל דערנער און ווילדגראָז איז נאָך פאַראַן אין יענע לענדער? ווען וועלן זוימען-קנאָספּן פון אַ בעסערער וועלט גובר זיין דעם בלעטער-אָפּפאַל און וועגעטאַציע פונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אין מאָסקווע, וואַרשע, בודאַפּעשט, מזרח-בערלין, פּעקין?

## די הונדערט בלומען פון מאַאָ טסע־טונג

אַז מען געפינט זיך שוין אין טראַנס פון בלומען־מחשבות, מוז אויך קומען אויפן געדאַנק כינע. ערשטנס — דער ליבעראַלער קורס פון מאַאָ מיט 12 יאָר צוריק, ווען ער האָט געוואָרפן די לאָזונג וועגן „הונדערט בלומען" פון מיינונגען און שטעלונגען ביי זיך אין לאַנד; צווייטנס — דער קאַלענדאַר! היינט, דעם 1־טן אָקטאָבער 1969, ווערט צוואַנציק יאָר אַז ס'איז אין פּעקין פּראָקלאַמירט געוואָרן די כינעזישע פאָלקס-רעפּובליק. אויך כינע פייערט איצט איר יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — און בעל־כורחו דערמאָנט זיך די מעשה פון אַ פּאַרלעזונג אין אַ רוסישן קאָלכאָז, וווּ דער רעפערענט האָט דערציילט וועגן אַפריקע. צוו. אַנד. האָט ער געזאָגט, אַז אין די אַפריקאַנער לענדער גייען דער רוב מענטשן באָרוועס. האָט אויף דעם אַ תמימותדיקער קאָלכאָזניק אַ פרעג געטאָן: „וואָס? אין אַפריקע איז שוין אויך 20 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע?"

עס וואָלט נישט געשאַדט צו פרעגן די איצטיקע הערשער אין פּעקין, צי נאָך 20 יאָר פון זייער אָקטאָבער, האָט דאָס כינעזישע פאָלק גענוג שיך און שטיוול, צי דאַרף עס נישט שטיין אין דער ריי נאָך אַ מאַנטל, אַ העמד, און אַנצוג?

אוודאי איז נישט פון די לייכטע זאַכן צו באַקליידן און באַשיכן 800 מיליאָן מענטשן, פאַרזיכערן זיי די באַשיידענע, טעגלעכע רייז-נאָרמע. פונעם באַוואָפענונגס-געיעג האָט זיך אָבער כינע נישט אָפּגעזאָגט. אירע זאַפּאַסן אַטאָמישע און וואַסערשטאָף־באָמבעס האַלטן אין איין וואַקסן — נישט נאָר קעגן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, נאָר קודם־כל און בעיקר — קעגן „די רויטע צאַרן אין מאָסקווע", מיט וועלכע מען פירט טאַקע אַ ממשותדיקע מלחמה איבער אַן אינדזל, אַ גרענעץ־פּאַס, צי אַ שטיקל טעריטאָריע.

און וואָס איז געוואָרן מיט די „100 בלומען״? בסך־הכל 6 וואָכן האָט געדויערט דער עקספּערימענט מיט אַ ביסל דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם. נאָך דעם ווי די אינטעלעקטואַלן האָבן גענומען ערנסט און ערלעך דעם נייעם קורס און אויפגעוויזן אַ רײ פעלערן פונעם רעזשים, האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות און „טשיסטקעס״. אין די יאָרן 67—1965 האָט מאַאָ דורכגעפירט זיין „קולטור־רעוואָלוציע״ מיט דער הילף פון „רויטע גוואַרדיעס״ און זיין „רויט ביכעלע״ — דער קאַטעכיזם פונעם כינעזישן קאָמוניזם. און ווידער — באַזייטיקטע קעגנערס, אינסצעניזירטע פּראָצעסן, אוניפאָרמירטע מיינונגען און אַ פּערזאָנען־קולט, וואָס גרענעצט מיט געצנדינערײ.

אָ, איר פאַרוויאַנעטע הונדערט בלומען פון מאַאָ און אָפּגעוועלקטע האָפענונגען פון הונדערטער מיליאָנען כינעזער...

## נישטאָ קיין ברירה און... אויסוואַל

פעקין האָט נישט געשיקט אירע בלומען קיין רמת־גן. זי רעדט נישט צו אונדז מיט דער שפּראַך פון בלומען, נאָר איז פאַרנומען מיט אַן אַנדערן מין „עקספּאָרט״ אין דעם ראַיאָן: געווער און דינאַמיט פאַר אַראַבישע דיווערסאַנטן, וועלכע מאָרדן פרידלעכע ישראל־בירגער, פרויען און קינדער. דאָס זעלבע — מאָסקווע. ביי דער שנאה און בויקאָט פון כמעט אַלע סאָציאַליסטישע לענדער, וועלכע האָבן אוודאי געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך אין דער ישראלדיקער בלומען־אויסשטעלונג, איז מען צופרידן, אַז עס רופן זיך אָפּ גינסטיק אויך אַזעלכע לענדער, ווי דרום־אַפריקע, גריכנלאַנד, מערב־דייטשלאַנד. איצט קאָן מען פונדאָסניי אָנהייבן טרומייטערן אין אַלע פּראָפּאַגאַנדע־כלים פון דמשק און מאָסקווע, מזרח־בערלין און בעלגראַד, אַז ישראל איז ממש אַ נאַטירלעכער פאַרבינדעטער פון די רעזשימען אין באָן, אַטען און פּרעטאָריע.

קוקנדיק אויף די בלומען פון די דריי דערמאָנטע לענדער, איז אומעגלעך צו פאַרגעסן די ראַסיסטישע דיסקרימינאַציע פון די נעגערס אין דרום־אַפריקע, די פאַשיסטישע פּאָליטיק פון די גריכישע קאָלאָנעלן און די לעגאַלע פּרוּוון פון די נעאָ־נאַציס צו באַהערשן דייטשלאַנד. אוודאי מעגן פאַרשיידענע פּאָליטישע פיינשמעקער אין לאַנד און אין אויסלאַנד דרייען מיט דער נאָז אויפן שלעכטן ריח פון די דרום־אַפריקאַנער, דייטשע און גריכישע בלומען. און האַלעווײ וואָלטן מיר זיך געקענט דערלויבן דעם לוקסוס צו שפּילן אַ ברוגז מיט יעטוועדן לאַנד, וועמענס פּאָליטישער רעזשים איז אונדז נישט צום האַרצן. ביי אונדזער לאַגע פון אַראַבישער בלאָקאַדע און דיווערסיע־אַקטן — איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, ווי אָננעמען צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג בלומען אויך פון אַזעלכע לענדער.

„דבר אלי בפרחים״ — „רייד צו מיר מיט בלומען״ — איז דערוויייל אָנערקענט געוואָרן פון 14 מדינות. כל־זמן אונדזער אויסוואַל פון פריינד איז נישט קיין גרויסער און אַנדערע לענדער ווידער יאָגן זיך נישט אַזוי שטאַרק נאָך ישראלס פריינדשאַפט — לאָמיר זיך באַגנוגענען מיט דעם.

## בלומען וואָס וועלן דורכרייסן גרענעצן

האַנס מעגלין, דער פאָרזיצער פון „פלעוראָפּ־אינטערפלאָראַ״, האָט אין זיין שריפטלעכער באַגריסונג צום רמת־גנער בירגערמייסטער, אברהם קריניצי, אין שיכות מיטן דעפענען די אויסשטעלונג, זייער ריכטיק אָפּגעשאַצט די מי צו אָרגאַניזירן אַזאַ סאָרט אויסשטעלונג ביי אונדזער אָנגעשטרענגטער לאַגע. ער שרייבט, אַז „אַ שווערע צייט לעבט איבער אייער לאַנד און פון יעדער איינעם פון אייך פאָדערט זיך דער העכסטער גייסטיקער אָנשטרענג. ס׳איז דעריבער וויכטיק אָפּצושאַצן די גייסטיקע מי, וועלכע איר אינוועסטירט אינעם שאַפן אַ פּאָזיטיווע שפּאַנונג אַלס קעגנגעוויכט. פאַר דעם צוועק זענען בלומען די סאַמע פּאַסיקסטע און זייער כוח מאַכט פאַרגעסן די טאָג־טעגלעכע דאגות״.

און ווייטער:

„די גרענעצן פון אייער לאַנד שיינען אין דעם מאָמענט צו זיין הערמעטיש געשלאָסן, נאָר איך גלייב, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן בלומען זיין בכוח זיי דורכצוברעכן און אויך דורכברעכן הערצער און דערגרייכן דעם לאַנג געגאַרטן שלום".

און מיר שליסן זיך אָן מיטן גאַנצן האַרצן צו דער ברכה פון דעם פריינדלעכן האַנס מעגלין — אַז איבער גרענעצן זאָלן זיך צעוואקסן די רויזן פון פרידן, שיינקייט, צוזאַמענלעבן און פאַרטרייבן די דערנער פון מאָרד, טעראָר און מלחמות. (י"ש ת"א, 1970)

# יידן באַהערשן די וועלט

מיט זעקס יאָר צוריק איז אין מלוכהשן וויסנשאַפטלעכן פאַרלאַג אין פוילן דערשינען די „פּאָפּולערע ענציקלאָפּעדיע A — Z". אויף ז' 43 ווערט דאָרט צוו. אַנד. געזאָגט וועגן אַנטי־סעמיטיזם: „פיינטלעכקייט און שנאה צו יידן, זייער פאַרפאָלגונג; בינדט זיך מיט אַנטי־פּראָגרעסיווע און אַנטי־סאָציאַליסטישע טענדענצן; אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פאַרשפּרייט אַמיינסטן דאָרט, ווו ס'האָט געהערשט דעספּאָטיע און נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג (צאַריזם, היטלעריזם און דעסגליייכן)".

אויב די דאָזיקע, אגב ריכטיקע באַצייכענונג פונעם אַנטיסעמיטיזם קאָנפראָנטירן מיט דעם וואָס קומט איצט פאָר אויפן א. ג. „יידישן פראָנט" אין פוילן, מצרים, ראַטן־פאַרבאַנד, מזרח־דייטשלאַנד צי אין דרום־אפריקע — איז זי ווי אָפּגעמאָסטן פאַר די דאָזיקע לענדער: שנאה צו יידן, זייער פאַרפאָלגונג; פאַרשפּרייט זיך דאָרט, ווו ס'הערשט דעספּאָטיע און נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג... פאַרשטייט זיך, אַז יענע רעזשימען, וואָס פּרעטענדירן אָנצוגיין אַלס פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטישע, באַנוצן זיך ניט אָפן מיטן וואָרט יידן. זיי ווענדן אָן אַ נייע טערמינאָלאָגיע, הגם מיטן זעלבן, אַלטגעבאַקענעם אַנטיסעמיטישן מיין: ציוניסטן און מדינת ישראל.

### דער כוח פון אַ ישראל־אַגענט

אין עטלעכע מצרישע שטעט זענען פאָרגעקומען סטודענטן־אומרוען, זיץ־שטרייקן, פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס. אַזאַ באַגלייבטער מקור, ווי דער עגיפּטישער אינערן־מיניסטער בכבודו ובעצמו האָט איבערגעגעבן, אַז בעת די געשעענישן אין מצרימס צווייטער הויפּטשטאָט (אַלעקסאַנדריע), זענען דערהרגעט און פאַרוווּנדעט געוואָרן איבער דרייסיק פּאָליציאַנטן און בירגער, ס'זענען צעשטערט און אונטערגעצונדן געוואָרן 150 אויטאָבוסן און 90 טראַמוויי־וואַגאָנען, אין הונדערטער געשעפטן זענען צעקלאַפּט געוואָרן די שויפענצטערס, מ'האָט פאַרניכטעט 29 אויפזיכט־פּונקטן פון דער פאַרקער־פּאָליציי, 116 פּריוואַטע און מלוכהשע אויטאָס זענען פאַרברענט געוואָרן, עס זענען פאַראַן 400 פאַרוווּנדעטע, 462 אַרעסטירטע סטודענטן, פון וועלכע 365 זענען נאָך אַלץ פאַרשפּאַרט אין תפיסה.

מ'קען זיך פאָרשטעלן, אַז דער פאַרנעם פונעם חורבן און די צאָל געליטענע און אַרעסטירטע, איז פיל גרעסער ווי ס'האָט געשילדערט נאַצערס מיניסטער. אין אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים ווי מצרים, זענען אַזעלכע אומרוען אַ באַווייז, אַז גרויסע טיילן פון פאָלק זענען אַזוי ווייט אומצופרידן מיט דער לאַגע, אַז זיי נעמען אויף זיך די ריזיקע פון גאַסן־קאַמפן און דעמאָנסטראַציעס, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די דיקטאַטור איז גרייט צו דערטרינקען אין בלוט אַזעלכע פּראָטעסטן. נאָך דעם ווי די פּאָליציי האָט געהאַט אָפּגעטאָן איר מלאכה פון דערשטיקן די מרידה, האָט נאַצער צונויפגערופן קיין קאַיר אַן אויסער־אָרדנטלעכן קאָנגרעס פון זיין „פּאַרטיי פון סאָציאַליסטישער איינהייט" און פאַר די 1700 דעלעגאַטן דערקלערט, אַז שולדיק אין די

סטודענטן־אומרוען איז ניט קיין אַנדערער, ווי... אַן אַגענט פון ישׂראלדיקן שפּיאָנאַזש־דינסט, דער געוועזענער מצרישער קריגס־געפאַנגענער בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה — מוכאַמעד מוכאַמעד האַדאַד.

מיר אין ישׂראל האָבן טאַקע אַ זייער געהויבענע מיינונג וועגן דער פעיקייט און טאַלאַנט פון די אינפאָרמאַציע־און שפּיאָנאַזש־אָרגאַנען פון צה״ל. נאָר אַז איין אַגענט אַזאַ, גראָד ניט קיין ייִד, זאָל זיין מסוגל אונטערצוהעצן און אַרויספירן אין גאַס טויזנטער סטודענטן פון מצרישע אוניווערסיטעטן — איז עלול געבוירן צו ווערן בלויז אינעם מוח פון אַ דיקטאַטאָרישן הערשער, וועלכער זוכט אַ בליץ־אָפּלייטער פאַר זיינע אייגענע דורכפאַלן. דערצו נאָך האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ לעוואַנטינישן פּרעזידענט, ביי וועמען פאַנטאַזיע איז תמיד שטאַרקער פון ווירקלעכקייט און שׂנאת ישׂראל איז דער א׳ און ת׳ פון זיין פּאָליטיק.

בדרך כלל האָט ער גאָרנישט מחדש געווען. אַלע הערשער, אין אַלע צייטן און ביי אַלע באַדינגונגען, פלעגן תמיד אַרויפוואַרפן די שולד אויף ייִדן. נאַצער האָט בלויז געטוישט דעם נאָמען — ישׂראל־אגענט — אָבער די ליניע און טענדענץ איז די זעלבע.

## די כפּרה־הינדלעך בלומשטיין און ליטווינסקי

מיט 8 חדשים צוריק זענען אין וואַרשע פאָרגעקומען שטורמישע דעמאָנסטראַציעס פון סטודענטן און אייניקע זיץ־שטרייקן אין די אוניווערסיטעט־בנינים. די סיבה פון יענע סטודענ־טישע אַרויסטרעטונגען זענען, ווי באַוווּסט, געווען, דער פאַרבאָט צו שפּילן מיצקעוויטשעס „דזשאַדי״ אין וואַרשעווער טעאַטער און אַ פּראָטעסט קעגן דער פאַרשאַרפטער צענזור איבער דער פּרעסע, שרייבער, ביכער און פּיעסן.ביים אויסגעפינען דעם שולדיקן אין די מערץ־געשעענישן, זענען גאָמולקאַ און מאָטשאַר יאָ געווען אייניק: סטודענטן פון ייִדישן אָפּשטאַם, ציוניסטן און מדינת ישׂראל.

זינט יענע מערץ־טעג, האָט אין פּוילן זיך אַנטוויקלט אַ שווידערלעכע אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע, אַנטי־ישׂראלדיקע העצע און אַנטי־ציוניסטישער קאָמפּלעקס, וואָס האָט אַפילו אַרויסגערופן שאַרפע פּראָטעסטן ביי ייִדישע קאָמוניסטן אין אַמעריקע, ישׂראל, פראַנקרייך און ביי ניט־ייִדישע אינטעלעקטואַלן און הומאַניסטן אין דער וועלט. דער רעזשים אין וואַרשע גיט זיך ניט די מי ריכטיק צו ענטפערן אויף די אַלע פראַגן, וואָס עגבערן אין מוח פון פּוילישן אַרבעטער, אינטעליגענט, פּויער און סטודענט בנוגע דער עקאָנאָמישער לאַגע זייערער, צוליב דער איבערטריבענער פאַרשקלאַפטקייט צו מאָסקווע און דער אָפּגעשטאָרבענער ליבעראַליזאַציע, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין פּוילן נאָך סטאַלינס טויט און גאָמולקאָס צוריקקערן זיך צו דער מאַכט. געווי ווי די ענדעקישע און סאַנאַציע־מנהיגים אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, האָבן זיי גענומען גאַלאָפּירן אויפן אַנטי־ייִדישן פערדל און אויסגעפונען דעם „שולדיקן״ אין אַלע צרות.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט טאַקע אין וואַרשע זיך אָנגעהויבן דער ערשטער פּראָצעס קעגן די שולדיקע — צוויי ייִדישע סטודענטן: יאַן ליטווינסקי און סעווערין בלומשטיין. ווי דער שטייגער אין יענע לענדער, ווערן זיי געמשפּט ביי פאַרמאַכטע טירן, אָן דעם צולאָזן אַן אויסלענדישן זשורנאַליסט און געבן די מעגלעכקייט די באַשולדיקטע צו פאַרטיידיקן זיך ווי געהעריק קעגן דעם בלבול וואָס מ׳האָט אויף זיי אויסגעטראַכט.

## „זשידאָ־קאָמונאַ״ נוסח דרום־אַפריקע

דאָקעגן אין יאָהאַנעסבורג, האָט דער דרום־אַפריקאַנער מאָטשאַר, דער פּאָליציי־און אינערן־מיניסטער ש. מילער, אויך געפונען פאַר נייטיק, דערוויל — בלויז וואָרענען די י י ד י ש ע סטודענטן און זייערע עלטערן, נאָך דעם ווי דער אוניווערסיטעט אין פּרעטאָריע

האָט באַשטימט אַלס לעקטאָר אַ שוואַרצהויטיקן פּראָפעסאָר, וואָס לויט די שטרענגע אַפּאַרטהייד־געזעצן אין יענעם לאַנד — איז עס נישט דערלאָזבאַר. די רעגירונג האָט טאַקע בטל געמאַכט די דאָזיקע נאָמינאַציע, וואָס האָט אַרויסגערופן פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס מצד סטודענטן, פּראָפעסאָרן און דער עפנטלעכער מיינונג. נו, אין אַ לאַנד ווו עס וווינען 115 טויזנט יידן, אַלנפאַלס — אַ ביסל מער ווי אין פּוילן, צי אין מצרים, איז אוודאי נישט שווער אָנצוווייזן אויף די שולדיקע אין דעם סטודענטישן פּערמענט. און קיינער איז נישט אַזוי בארופן דאָס צו טאָן, ווי דער אינערן־מיניסטער, וועלכער איז אויך גלייכצייטיק דער שעף פון די פּאָליצייאישע כוחות: „די מענטשן וואָס זענען פּרעמדע סטודענטן... און אַ גאַנצע גרופּע פון זיי טראָגט יידישע נעמען"... דער מיניסטער האָט דערביי נישט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז ער האָט אַ סך יידישע פריינד (גאָמולקאַ, ווי באַוווּסט, האָט אויך אַ יידישע פרוי...) און דערפאַר עצהט ער די יידן, צו האַלטן די הענט אין זייערע אייגענע בוזעמס.

בעת אין וואַרשע באַשולדיקט מען יידישע סטודענטן אין ציוניזם, ד. ה. — אַנטי־קאָמוניזם פון דער העכסטער מדריגה, וואַרפט מען זיי גאָר אונטער דעם „קאָמוניסטישן ממזר" אין יאָהאַנעסבורג, ווייל זיי קעמפן קעגן דער אומרעכט און דיסקרימינאַציע לגבי דער נעגרישער באַפעלקערונג. און די נעגערס אין אַמעריקע — — —

## „אַ טויט די יידן" אין די פּאַריייניקטע שטאַטן

מיליאָנען דאָלאַרן ווערן אויסגעגעבן דורך יידישע וווילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס אין די פּאַריייניקטע שטאַטן צו העלפן דער אָרעמער נעגערישער באַפעלקערונג; הונדערטער און הונדערטער יידישע טוערס זענען אַקטיוו באַטייליקט אין די פאַרשיידענע ליגעס און אָרגאַניזאַציעס פאַר מענטשן־רעכט, און קודם־כל — פאַר די רעכט פון די נעגערס אין אַמעריקע. אין די דעמאָנסטראַציעס צום ווייסן הויז קעגן די עוולות און אומרעכט כלפּי די אָפּשטאַמיקע פון אַפריקע מצד די ווייסע ראַסיסטן אין די דרום־שטאַטן, באַטייליקן זיך פּראָפּאָרציאָנעל פיל מערער יידן ווי ס'איז זייער פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. דאָס אַלץ שטערט אָבער נישט עטלעכע עקסטרעמע נעגער־אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל די וואָס גלייבן אַז אַללאַ איז דער גאָט און מוכאַמעד — זיין נביא, צו זיין אויסגעשפּראָכן אַנטי־יידיש. בעת די באַוווּסטע פּאָגראָמען און עקסצעסן אין לאָס־אַנדזשעלעס, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ און קליוולענד, זענען נישט נאָר דעמאָלירט און צעראַבירט געוואָרן צענדליקער יידישע געשעפטן, נאָר נישט איין מאָל האָט מען אויך געהערט אַזעלכע לאָזונגען, ווי „אַ טויט די יידן!"

בעצם, איז דאָס די זעלבע „דאַנקבאַרקייט" מיט וועלכער אַ טייל סאָציאַליסטישע לענדער, מיטן ראַטן־פאַרבאַנד בראש, צאָלן אָפּ דעם יידישן פאָלק פאַר דער טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט פון אַ סך זיינע זין דער אידייע פון דער רעוואָלוציע...

אוי, יידישע דאָליע!

## אַפילו דער טשעכישער צענזאָר פסלט

דאָס אָקופּירן טשעכאָסלאָוואַקיע אין אויגוסט ה. י. דורך רוסלאַנד, מזרח־דייטשלאַנד, פּוילן, אונגאַרן און בולגאַריע, איז ווי באַוווּסט, פאַרענטפערט געוואָרן מיטן ליבעראַליזאַציע־שטראָם וואָס האָט באַהערשט דאָס דאָזיקע לאַנד פון אָנהייב היינטיקן יאָר. שולדיק אין דער ליבעראַליזאַציע, לויט די טענות פון מאָסקווע און וואַרשע, זענען ווידער די „פרעמדע", ציוניסטן און יידן. איצט, כדי אונטערהאַלטן דעם דאָזיקן שקר, ווערט דורך די „אָליאירטע" אָקופּאַציע־אַרמייען פאַרשפּרייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע די צייטונג „זאַפּראַווי", אין וועלכער עס פעלט נישט אויס קיין אַנטיסעמיטישער שטאָף. די העצע קעגן אייניקע טשעכישע קאָמוניסטישע מנהיגים, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון די סטאַליניסטישע פענטעס און

עטוואָס פרייער מאַכן און ליבעראַליזירן דעם אינערלעכן רעזשים אין פּראַג, זענען געגייט מיט אַזעלכע גראָבע אַנטיסעמיטישע שטעך, אַז אַפילו דער צענזאָר אין פּראַג, וועלכער אַרבעט היינט אונטער דער השגחה פון מאָסקווע, האָט זיך געווענדעט צו דער טשעכישער רעגירונג צו פּאַרווערן די פאַרשפּרייטונג פון דער דאָזיקער צייטונג. מאָסקווע האָט זיך דערוויל אָפּגעוואָשן די הענט פון דער אויסגאַבע, מיטן תּירוץ, אַז זי ווערט אַרויסגעגעבן דורך אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום פון די פאַרבינדעטע כּוחות — אָבער וואָס טאָן, אַז די דאָזיקע כּוחות פאַרבינדט קודם־כּל אַנטי־יידישע העצע, און ווידער — מיטן ראָטן־פאַרבאַנד בראָש...

## קורדן, יידן, ישראל

פון דער גרויסער וועלט — צוריק צו אונדזערע היימישע ענינים, צו דעם וואָס קומט פאָר אין ראַיאָן. די קורדישע מינדערהייט אין איראַק פירט זינט יאָרן אַ העלדישע פּאַרטיזאַנישע מלחמה קעגן דער צענטראַלער רעגירונג אין באַגדאַד, פאָדערנדיק אויטאָנאָמיע און אַ ביסל פרייהייט פאַר זיך. אַ סך בלוט איז שוין פאַרגאָסן געוואָרן אין יענעם לאַנד, עס זענען אויך געווען פּרוּוון פון צונויפרייִדונג און פּשרה צווישן ביידע פעלקער — אָבער באַגדאַד האָט תּמיד געבראָכן דעם הסכּם און געוואָלט מיט כּוח באַצווינגען דאָס העלדישע קורדישע פאָלק און איר מנהיג — מוסטאַפאַ באַראַזאַני. אַ סבֿרה, אַז דער צעטרייסלטער „באַאַט”־רעזשים אין איראַק, האָט לעצטנס ווידער געוואָלט אַרויסווייזן זיינע כּלומרשט שאַרפע ציין קעגן די קורדן, וועלכע האָבן געענטפערט מיט אַ ריי פּאַרטיזאַנישע אַקטן, אַפילו אויפגעריסן אַ באַן. באַשולדיקן ייִדן, צי ישראלדיקע אַגענטן אין אַזאַ אַקציע — וואָלט געווען לעכערלעך, אַפילו פאַר דער אָריענטאַלישער פאַנטאַזיע פון די איראַקער הערשער. אָבער לענקן די אויפמערקזאַמקייט אויף אַ ייִדישן אַדרעס, צי אויף מדינת ישראל — דאָס קען געמאַכט ווערן, בפרט, אַז אין ירדן געפינט זיך, זינט דער זעקסטאָגיקער מלחמה, אַן איראַקישע דיוויזיע וואָס איז דאָרט געשיקט געוואָרן צו העלפן חוסיינען. צו אונדזער גליק, האָבן זיי געהאָלפן דער ירדנער אַרמיי בלויז זיך צוריקציען אין יענע היסטאָרישע טעג פון זייער מפּלה, אין יוני 1967. די איראַקער זענען נישט צוריק אַוועק אַ היים, נאָר שוין געבליבן (מען שמועסט, אַפילו אומגעבעטענערהייט) אויף דער ירדנער טעריטאָריע, אויפגעשטעלט זייער באַזע אַ 60 קילאָמעטער פון דער איצטיקער ליניע פונעם פייער־איבעררייס און די גאַנצע צייט געגעבן שוץ, אויסבילדונג, באַוואָפענונג און אינסטרוקטאַזש די אַראַבישע טעראָר־באַנדעס צו ווירקן קעגן ישראל. אָבער דאָס איז פאַר זיי געווען ווייניק, ווייל, אַז די קורדן דאָרט, אין דער היים, האָבן ווידער זיך גענומען צום קאַמף, האָבן די ווייטשיסנדיקע האַרמאַטן פון דער איראַקישער עקספּעדיציע־דיוויזיע אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דגניה א׳ און דגניה ב׳, און נאָך אַ צען פרידלעכע ישובֿים אין עמק בית־שאָן. אין דעם פאַל האָט דער איראַקער פּרעזידענט אַל־באַכאַר אַליין אָנגעוויזן אויף דער „סמיכת־הפּרשה” פון דעם באַנייטן קורדישן קאַמף ביי אים אין לאַנד, מיטן פּלאַנירטן און דורכגעפירטן אָנגריף אויף אונדזערע קיבוצים און מושבֿים, ווען ס׳איז אין באַגדאַד פאָרגעקומען די לוויה פון די געפאַלענע איראַקער זעלנער, נאָך דער רעוואַנזש־אַקציע פון דער ישראלדיקער אַוויאַציע, וואָס האָט באָמבאַרדירט די איראַקישע באַזע אין מאַפראַק און אירביד. די דאָזיקע „העלדן” האָבן, אַ סבֿרה, פאַרגעסן, אַז צה״ל האָט גענוג כּוח און מיטלען צו רעאַגירן אויף אַזעלכע פּראָוואָקאַציעס און אַגרעסיע־אַקטן, און נישט לאָזן אויפן ייִדיש־ציוניסטיש־ישראלדיקן חשבון, רעגולירן אייגענע, אינערלעכע ענינים.

## ווי נעמט מען כּוח?

דער אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען, דערשיינונגען און טעטיקייט, האָט תּמיד פאַרגעשטעלט די ייִדן ווי עפּעס אַ געהיימער כּוח וואָס איין מאָל האָבן זיי אַבסאָלוטע השפּעה

אויף דער וועלט פון קאַפּיטאַל, פינאַנסן, פּאָליטיק, קולטור — און אַ צוויית מאָל, ווי דער הויפּט־פאַקטאָר פון קאָמוניסטישע, צעשטערערישע כוחות אין דער וועלט. היטלערס באַליבטסטער אַרגומענט איז געווען, אַז די מלחמה איז אַרויסגערופן געוואָרן נאָר דורך די יידן, אַז יידן האָבן באַהערשט די וועלט.

פון די געפּעלשטע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", ביז די היינטיקע באַשולדיקונגען פון אַ גאַנצער ריי הערשער — ציט זיך איין רויטער פאָדעם פון שנאה, פאַרלייקענונג און העצע קעגן אַ שווער געפּרוווט פאָלק, וואָס ערשט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָט מען אויפן ברוטאַלסטן אופן אויסגעמאָרדעט אַ דריטל פון אים און די מדינה פון דער שארית הפליטה, ציילט בסך־הכל 2,5 מיליאָן איינוווינער. ווי־זשע איז ער, דער דאָזיקער מעכטיקער יידישער כוח מיט וועלכן עס סטראַשען אַ וועלט כל מיני אַנטיסעמיטן און שונאי ישראל? און ווו נעמט מען כוח אויסצוהאַלטן די דאָזיקע גיפטיקע שקרים און אינסינואַציעס אויף אחינו בני ישראל?
(י"ש ת"א, 11.12.68)

## מאָסקווע נייטיקט זיך אין נאָך אַ „פּיאַטילעטקע"

**(אייניקע מחשבות אין 53־טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע)**

לכבוד דעם 24סטן צוזאַמענפאָר פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וואָס דאַרף פאָרקומען אין חודש מערץ 1971, איז מיט אַ צייט צוריק דערשינען אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" אַ לייט־אַרטיקל אונטערן קאָפּ „מעשים און פּלענער פון די ליטעראַטן". אָט וואָס די סאָוויעטישע פען־מענטשן דערוואַרטן פונעם פּאַרטיי־קאָנגרעס:

„ער זאָל אָנצייכענען אַ וועג פאָר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון לאַנד אין אַלע ספערן — עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, אויפן געביט פון וויסנשאַפט און פאָלקס־בילדונג, אין דער אַנטוויקלונג פון קולטור".

אַלזאָ — אַ געבענטשטער פאַרלאַנג פון די שרייבערס צו גרייכן און דערגרייכן אַ סך ספערן. נאָר אונדז שיינט, אַז איין וויכטיק וואָרט (די „ספערע") האָבן זיי אַרויסגעלאָזט: ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע!

א

לאָמיר זיך נישט נאַרן. אפילו ווען זיי וואָלטן דעם פעלנדיקן אויסדרוק יאָ צוגעשריבן צום צעטל פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, וויסנשאַפטלעכע און קולטורעלע אויפגאַבן פונעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָלט די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", פונקט ווי די גאַנצע אָן אויסנאַם סאָוויעטישע פּרעסע, נישט אָפּגעדרוקט אַזאַ „געפערלעכן" באַגריף. דער ראַטן־פאַרבאַנד און זיינע צייטונגען, ראַדיאָ און טעלעוויזיע פאָדערן דעמאָקראַטיע ביי י ע נ ע ם, אין א נ ד ע ר ע לענדער, אָבער נישט ביי זיך אין דער היים, אפילו איצט, 53 יאָר נאָכן זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אין ראַטן־פאַרבאַנד געפינען זיך יאָ אייניקע שרייבערס און אינטעלעקטואַלן וואָס וואָגן צו פאָדערן אַ ביסל פרייהייט, ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע. אָבער זיי האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט אַ גאָר טייערן פרייז פון פאַרלירן די אייגענע פרייהייט: ווער אין תפיסה און אויף פאַרשיקונג (דניאל, סיניאַווסקי, גינזבורג, יקיר); ווער אין אַ... משוגעים־הויז (גענעראַל גריגאָרענקאָ, בוקאָווסקי און אַנד.); ווער מיטן פאַרלירן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זיינע שאַפונגען (דער נאָבעל־פרייז־טרעגער אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין).

## ב

וואָס שייך דעמאָקראַטיע, איז די דאָזיקע לאָזונג נישט געווען אויפגעשריבן אויף דער פאָן פון אָקטאָבער ווי איינע פון די צענטראַלע אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע. דאָקעגן האָט די ראַטנמאַכט מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק יאָ אָנגעזאָגט דער וועלט און דעם אונטערדריקטן פאָלק אין דער צאַרישער אימפּעריע די בשורה פון פרייהייט און באַפרייונג, פון זעלבסט־באַשטימונג־רעכט פאַר אַלע פעלקער, פון גלייכהייט. די אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט אָנגעזאָגט אַ סוף צו דער אָרעמקייט, צום אַנאַלפאַבעטיזם, צו מלחמות.

אויב קאָנפראָנטירן יענע לאָזונגען מיט 53 יאָר צוריק מיט דער איצטיקער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט — וועט דער באַלאַנס זיין אַ גענוג טרויעריקער...

## ג

נאָכן שטירצן דעם צאַרישן רעזשים, האָט דאָס רוסישע פאָלק פרייער אָפּגעאָטעמט, אויפריכטיק געגלייבט, אַז די נייע אָרדענונג וועט מערער נישט וויסן פון סיבירער קאַטאָרגע, תפיסות, פאַרשיקונגען, סאַדיסטישע אויספאָרשונגען, דערשיסונגען. היינט איז שוין נישט קיין סוד, אַז אויב ס'איז דאָרט פאַרלייגט געוואָרן אַ פונדאַמענט פאַר אַ סאָציאַליסטישן רעזשים, איז עס געטאָן געוואָרן אויך אויף טויטע קערפּערס פון מיליאָנען אַרבעטער, פּויערים, אינטעליגענץ — די וואָס האָבן מיט זייער בלוט און שווייס אויסגעטראָגן דעם אָקטאָבער און דערנאָך אַליין געפאַלן אַ קרבן פון סטאַליניסטישן טעראָר און דיקטאַטור. די רעוואָלוציע האָט אויפגעפרעסן אירע קינדער — צוזאַמען מיט דער צוגעזאָגטער פרייהייט.

וואָס שייך גלייכהייט, זענען נאָכן אָקטאָבער פאַרשוווּנדן אַזעלכע פּריווילעגירטע קאַסטעס און שיכטן ווי פּריצים, אדל־לייט, פאַבריקאַנטן, באַנקירערס, אָפיצירן. אָנשטאָט זיי אַלע איז אָבער אויפגעקומען אַן א. ג. פּראָלעטאַרישע אַריסטאָקראַטיע — הויכע באַאַמטע און פּאַרטיי־פונקציאָנערן מיט אַ באַזונדערן מעמד; פאַבריק־דירעקטאָרן, מיליטער־לייט און פּאָליציי־אָנגעשטעלטע, וואָס זייערע לוינען, שפּייז־פאַרזאָרגונג, דירות און קליידונג שטייען אין אַ געוואַלדיקער דיספּראָפּאָרץ אין פאַרגלייך צו די קלאָגעדיקע פאַרדינסטן, שטרענגער אַרבעט־דיסציפּלין, נאָרמירטער פּראָדוקציע און אַ כסדרדיק יאָגן זיך — מיט אָפּשטיין שעהן־לאַנג אין דער ריי נאָך אַרטיקלען פון ערשטן געברויך — פונעם פּשוטן אַרבעטס־מענטש. וואָלט אין ראַטן־פאַרבאַנד דערלויבט געווען צו פירן דעם קלאַסן־קאַמף ווי זיי פּרעדיקן דאָס טאָן אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער — מעג מען זיין זיכער, אַז שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטן מצד די אַרבעטער וואָלטן דאָרט געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

## ד

לעניס באַרימטע לאָזונג „אַ מלחמה דער מלחמה" איז בשעתו געווען דער יסוד פון דער סאָוויעטישער אויסערן־פּאָליטיק. דער קרעמל האָט געפירט אַ קאַמף פאַר שלום, געווען פאַראינטערעסירט אין גוט־שכנותדיקע באַציִונגען, אויסגעמיטן גרענעץ־קאָנפליקטן און באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן, אַוודאי נישט געטראַכט וועגן פאַרכאַפּן, באַהערשן און באַצווינגען. נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, אַמאָל... אויב דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך יאָ באַדאַרפט שלאָגן באַלד ביי זיין אַנטשטייונג, איז עס געווען אַ בפירושע פאַרטיידיקונג־מלחמה קעגן דער אויסלענדישער אינטערווענץ, צי דערנאָך קעגן די יאַפּאַנישע פּראָוואָקאַציעס אין מאַנדזשוריע (די שלאַכטן ביי דער אָזערע כאַסאַן און כאַלכין־גאָל).

אין יאָר 1939, ווען ס'איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך, איז מיט דער הילף פון מאָסקווע דורכגעפירט געוואָרן די פערטע צעטיילונג פון פּוילן און דער אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי אין די באַלטישע לענדער האָט אַ סוף געמאַכט צו

דער זעלבשטענדיקייט פון ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט די גרויסע רוסלאַנד דורכגעפירט אַ בפירושע אַגרעסיע אַנטקעגן דער קליינטשיקער פינלאַנד מיטן מאָטיוו פון „אָפּרוקן די גרענעץ פון לענינגראַד". נאָר דאָס אַלץ איז ערשט געווען אַן אַדערויף פאַר אַ ווייטערדיקער עקספּאַנסיע.

נאָכן פאַרדינטן און העראָישן נצחון איבער היטלער־דייטשלאַנד האָט ערשט די סאָוויע־טישע אויסשפּרייטונג באַקומען שווונג. פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, אונגאַרן, בולגאַריע, אַלבאַניע און מזרח־דייטשלאַנד זענען געוואָרן וואַסאַלן־מדינות פון מאָסקווע. נאָר צו וואָס גרייכן אַזוי ווייט, ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַז מיר האָבן פאַר זיך מער נעענטערע, רעאַלע און פאַר אונדזער מדינה ביז גאָר געפערלעכע טענדענצן פון סאָוויעטישער עקספּאַנסיע, מלחמה־אינטריגע און געווער־ליפערונגען, וואָס האָבן שוין דערפירט צו אויפרייסן און דראָען מיט ווייטערדיקע בלוט־פאַרגיסונגען.

די סאָוויעטישע אַריינדרינגונג אין אונדזער ראַיאָן, איר ממש פאַנאַטישע פּראָ־אַראַבישע אָריענטאַציע און אַנטי־ישראלדיקע העצע האָבן נישט קיין שייכות צו די דערהויבענע אָקטאָבער־אידעאַלן, נאָר זענען אַ פועל־יוצא פון אַן עגאָיסטישער גרויסמאַכט־פּאָליטיק. דאָס זעלבע מעג געזאָגט ווערן בנוגע איר קאָנפליקט מיט כינע (איבער שטחים) און די אינוואַזיע קיין טשעכאָסלאָוואַקיע.

ה

די רעכט פון זעלבסט־באַשטימונג פאַר פעלקער איז אין לאַנד פון אָקטאָבער דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ סך אויפריכטיקייט און פאַרנעם. אַ פאַקט, אַז צוריקגעשטאַנענע נאַציאָנאַלי־טעטן און אונטערדריקטע מינדערהייטן האָבן באַקומען אויטאָנאָמיע, צי אייגענע רעפּובליקן און נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס איז געפּלעגט געוואָרן דורך דער ראַטנמאַכט. הגם די דאָזיקע זעלבשטענדיקייט איז געווען אַבסאָלוט אונטערגעאָרדנט דעם מאָסקווער צענטער און דעם גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם, האָט עס פאָרט געהייסן, אַז אין קיעוו, מינסק, טאַשקענט און אַלמאַ־אַטאַ זיצן רעגירונגען פון די אוקראַינער, ווייסרוסן אוזבעקן און קאַזאַכן.

אמת, געווען אויך אַ פּרווו, אַ יאָר 15 נאָך דער רעוואָלוציע, צו געבן דעם סאָוויעטישן ייִדנטום אַן אייגענע רעפּובליק אין ביראָ־בידזשאַן. היינט רופט ביי אונדז אַרויס דער דאָזיקער נאָמען אַזעלכע קאָלעמוטנע אַסאָציאַציעס, צי איראָנישע שמייכלען, אָדער באַדויערנ־דיקע קרעכצן, ביז אפילו אַ געביילטע פּויסט אַנטקעגן אַ ציניש שפּיל מיטן גורל און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון דער גרויסער ייִדישער מינדערהייט אין רוסלאַנד. בלויז זיי, די סאָוויעטישע ייִדן, האָט מען נישט אָנערקענט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אינעם לאַנד פון די ראַטן; בלויז זייערע שולן, טעאַטערס, פּרעסע און פאַרלאַגן האָט מען ליקווידירט; די גרעסטע ייִדישע שרייבערס און דיכטערס, אגב טרייע דינער און באַזינגער פונעם רעזשים, זענען געפאַלן אַ קרבן פון די סטאַליניסטישע רציחות; ייִדן אין רוסלאַנד איז פאַרבאָטן צו באַהעפטן זיך מיט זייער אמתדיקן היימלאַנד, מדינת ישראל און מיט זייערע משפחות אין אַנדערע לענדער.

ו

דער אַנאַלפאַבעטיזם אין רוסלאַנד איז כמעט ווי אָפּגעשטאָרבן. דער רוב מנין ובנין פון פאָלק קען לייענען און שרייבן; פאַראַן אַ שפע פון הויכשולן און בילדונג־אַנשטאַלטן, מוזייען, קינאָס, טעאַטערס, אָפּערעס, רייכע ביבליאָטעקן מיט אַ סך לייענערס, אַ הויך אַנטוויקלטע ליטעראַטור און קולטור, אַן אַ שיעור צייטונגען, ראַדיאָ־סטאַציעס און טעלעוויזיע. היינט דער טעכנישער פאָרשריט, די אינדוסטריאַליזאַציע, די פּולקאָמע מעדיצינישע דינסט און דאָס רייסן זיך צו דער לבנה. נאָר צו די אַלע פיינע דערגרייכונגען פעלט דאָך אויס

אַ ביסל דעמאָקראַטיע, אַ מעגלעכקייט צו קריטיקירן דעם רעזשים, מאַכן אים באַמערקונגען, נישט לאָזן אים פֿאַרגאַלאָפּירן זיך אין אַ סטאַליניסטישן רעצידיוו, צי פֿאַרגליווערט ווערן אין דער „ברעזשניעוו־דאָקטרין".

דעריבער איז געווונטשן, אַז לכּבֿוד דעם 53־טן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָדער אויפֿן 24־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, זאָל פּראָקלאַמירט ווערן אַ גאָר נייע „פּיאַטילעטקע" — פֿאַר דעמאָקראַטיזירן דאָס לאַנד. אויב אויפֿן 20־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר האָט כרושטשאָוו צעבראָכן די לוחות פֿונעם סטאַלין־קולט, וואָלט געווען אַ יושר אויפֿן נאָענטסטן קאָנגרעס צושרייבן צו די עשׂרת הדיברות פֿון אָקטאָבער נאָך איין געבאָט און אים אויך פֿאַרווירקלעכן: *דעמאָקראַטיע*, וואָס וועט אָן שום ספֿק געבן אַ שטויס צו רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם אין גייסט פֿון הומאַניזם, פֿרייהייט, טאָלעראַנץ און סאָציאַלן יושר.

נאָר אין אַזאַ סאָרט „פּיאַטילעטקע" — לאָמיר עס אָנרופֿן — „דעמאָקראַטישער פֿינפֿיאָר־פּלאַן" — נייטיקט זיך דער ראַטן־פֿאַרבאַנד.

(י"ש ת"א, 13.10.70)

## בריסל — מאָסקווע — ירושלים

דאָס יידישע פֿאָלק אין דער גאַנצער וועלט האָט ווידער אַמאָל דעמאָנסטרירט סאָלידאַריטעט, אינטערעסן־געמיינשאַפֿט און זאָרג איבערן גורל פֿון אַ געררודפֿטן יידישן קיבוץ אין אַ מעכטיקער מדינה. 800 פֿאָרשטייער פֿון 40 לענדער זענען סוף יאַנואַר ה. י. זיך צונויפֿגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פֿון בעלגיע, צו אַ וועלט־קאָנגרעס פֿאַר די ייִדן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. פֿון דער טריבונע אינעם בריסעלער קאָנגרעס־זאַל האָט זיך געהערט דער קאָלעקטיווער ייִדישער פּראָטעסט קעגן דער לאַגע פֿונעם סאָוויעטישן ייִדנטום און די סאָלידאַרע פֿאַדערונג צו די הערשער אין קרעמל צו דערלויבן אַ פֿרייע, אומגעשטערטע עליה פֿאַר די וואָס ווילן קומען קיין ישׂראל און זיך באַהעפֿטן מיט זייער פֿאָלק און לאַנד.

דער בריסעלער צוזאַמענקום האָט געשאַפֿן אַ נייעם כּוח און דימענסיע פֿאַרן געראַנגל פֿון די ייִדן אין רוסלאַנד עולה צו זיין; ער האָט אויך געלאָזט הערן זיין שטים בנוגע די עוולות, אומרעכט און דיסקרימינאַציעס כּלפּי דער יידישער מינדערהייט אינעם לאַנד פֿון די סאָוויעטן — די איינציקע מינדערהייט אין אַ פֿיל־פֿעלקערדיקער מלוכה, אויף וועלכער מען צווינגט אויף אַסימילאַציע, וועמענס גייסטיקע עליטע איז אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן און אַלע אירע קולטור־אינסטיטוציעס און שולן זיינען ליקווידירט געוואָרן.

גלייכצייטיק איז געווען דערמוטיקנדיק דער פֿאַקט, וואָס אויפֿן קאָנגרעס האָבן זיך אויך באַטייליקט ווינציקע פֿאָרשטייער פֿון דער מיניאַטור־עליה פֿון רוסלאַנד. הייסט עס, אַז אונטערן דרוק פֿון די א . ג. אומשטענדן, ווען די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג און אידענטיפֿיצירונג מיט מדינת ישׂראל מצד די סאָוויעטישע ייִדן, ספּעציעל ביי דער יוגנט, איז דערגאַנגען צו אַזאַ פֿאַרנעם און אינטערנאַציאָנאַלן אָפּקלאַנג, אַז מ'האָט שוין נישט געקענט פֿאַרשליסן די טויערן פֿון פֿסס"ר און טראָפּנווייז דערלויבט מען ייִדן פֿון דאָרט אַרויסצופֿאָרן. אַלע ווייסן אָבער, אַז די גליקלעכע וואָס זיינען געקומען קיין ישׂראל, זענען בוכשטעבלעך אַ טראָפּן אין ים אַנטקעגן די הונדערטער טויזנטער, אויב נישט מיליאָנען, וואָס רייסן זיך מיט אַלע כּוחות און וועגן עולה צו זיין — נאָר מאָסקווע לאָזט זיי נישט.

אין בריסל האָט מען בלויז און אויסשליסלעך זיך באַשעפֿטיקט מיטן ענין פֿון פֿרייער עליה פֿאַר די סאָוויעטישע ייִדן און בשום אופֿן נישט געהאַט בדעה צו פֿאַרנעמען זיך מיטן סאָוויעטישן רעזשים, זיין פּאָליטיק, ווירטשאַפֿט, קולטור און אַנדערע אַספּעקטן פֿונעם אינערלעך־מלוכהשן לעבן. אַזאַ איז געווען די כּוונה פֿון די איניציאַטאָרן פֿונעם קאָנגרעס,

וועלכער האָט אגב געטראָגן אַ פּריוואַטן כאַראַקטער און די דאָזיקע איינשטעלונג איז בדרך־כלל אָפּגעהיטן געוואָרן דורך כמעט אַלע רעדנערס. אָן אויסנאַם האָט געזאָלט זיין דער אַרויסטריט פון הרב כהנא, פאָרזיצער פון דער פאַרטיידיקונג־ליגע אין די פ״אַר. שטאָטן — און דאָס, ווייזט אויס, איז געווען דער מאָטיוו פונעם קאָנגרעס־פּרעזידיום נישט לאָזן קומען צום וואָרט אַ יוצא־מן־הכלל אין זיין גאַנצן אופן פון פירן אונדזער געראַנגל מיט מאָסקווע.

דער פאַל כהנא האָט עטוואָס אָפּגעשוואַכט דעם עפעקט פון ייִדישער סאָלידאַריטעט, וואָס איז אויף אַזאַ ווונדערבאַרן אופן דעמאָנסטרירט געוואָרן אין בריסל, אָבער בשום אופן נישט פאַרמינערט דעם ווערט און באַטייט פון דער טעמע מיט וועלכער דעם קאָנגרעס האָט זיך באַשעפטיקט. פּונקט ווי ס׳איז נישט אונטערגעבראָכן געוואָרן די ייִדישע אחדות אַרום דעם סאָוויעטישן ייִדנטום, ווען אַ ספּעציעלע ייִדישע דעלעגאַציע פון מאָסקווע, בראש מיטן צוויי מאָל העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד, גענעראַל דוד דראַגונסקי, איז עטלעכע טעג פאַרן קאָנגרעס אויפגעטרעטן אין בריסל און באַוויזן ווי ווויל און גוט ס׳איז זיי פערזענלעך און ווי די 3.5 מיליאָן ייִדן אין רוסלאַנד לעבן ממש ווי אין אַ גן־עדן. לויט דער מיינונג פון די קאַזיאָנע דעלעגאַטן, עקזיסטירט נישט בכלל קיין ייִדן־פּראָבלעם אין רוסלאַנד, בלויז יחידים ווילן עולה זיין. „נאָר ווי אַזוי״ — האָט מעשה תם געפרעגט איין „אוטשאָני יעווריי״ פון דאָרטן — „קאָן מען דערלויבן ייִדן אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, כל־זמן ס׳פירט זיך די מלחמה אויפן נאָענטן מזרח און די נייע עולים וועלן צושטיין צו דער ישראל־אַרמיי וואָס קעמפט מיט די אַראַבער ? !״... (דער וואָס האָט געשטעלט די פראַגע, האָט אָבער נישט געהאַט קיין ענטפער, הלמאי האָט מען ביז דער זעקס־טאָגיקער מלחמה נישט געלאָזט אַהערקומען די ייִדן פון רוסלאַנד).

מאָסקווע האָט זיך ניט באַגנוגנט מיטן בלויזן שיקן אַ ייִדישע דעלעגאַציע קיין בריסל, נאָר אויך געפאָדערט פון דער בעלגישער רעגירונג זי זאָל בטל מאַכן איר דערלויבעניש פאַרן קאָנגרעס. די דאָזיקע דיפּלאָמאַטישע אינטערווענץ, באַגלייט מיט היסטערישע אַנטי־ישראלדיקע אַרטיקלען אין דער סאָוויעטישער פּרעסע, האָבן באַוויזן ווי די עצם אידעע פון אַ גרויסער, אַלוועלטלעכער ייִדישער דעמאָנסטראַציע לטובת דעם סאָוויעטישן ייִדנטום, פירט ממש אַרויס פון די כלים די איצטיקע הערשער אין קרעמל.

די ייִדן דאָרט ווילן זיך נישט אינטעגרירן, נישט אָפּזאָגן זיך פון זייער אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק און פון זייערע נאַציאָנאַלע עמאָציעס און היסטאָרישע סענטימענטן צו מדינת ישראל. עס העלפן נישט אַזעלכע מיטלען, ווי פאַרשפאַרן אייניקע ייִדן אין משוגעים־הויז (דער פאַל גרישאַ פייגין), אָפּזאָגן פון דער אַרבעט די וואָס דערלאַנגען בקשות אַרויסצופאָרן, סתם אָנשרעקן און פאַרפאָלגן די קאַנדידאַטן אויף עליה. ייִדן פון רוסלאַנד ווילן זיין דאָ. זייער קאַמף איז אַ געזעכטער, די פאָדערונג — אַ לעגיטימע, די שטרעבונג — אַן אויסדרורק פון שיבת ציון. די אַלע פאַרלאַנגען זענען לעצטנס גע־שטאַרקט געוואָרן מיט דעם קאָנגרעס אין בעלגיע, אין וועמענס הויפּטשטאָט בריסל האָט זיך געהערט אַ מעכטיקע שטים צו מאָסקווע זי זאָל דערלויבן אירע ייִדן זוכה צו זיין לשנה הבאה בירושלים!

(פאַ״צ י—ם, פעבר׳־מערץ 71׳)

## לענינגראַדער „משפט״ און „יושר״

אונדזער פאָלק אין די תפוצות און אין מדינת ישראל האָט אין די טעג פון לענינגראַדער פּראָצעס, אורטייל און באַגנעדיקונג, דעמאָנסטרירט פיל סאָלידאַריטעט, אידענטיפיצירונג און זאָרג פאַרן גורל פון די געמשפּטע — דורך שטורמישע פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס,

וואָס זייער פּאַרנעם און דערהייבונג קען פאַרגליכן ווערן נאָר צו דעס אויפבּרויז ערב און בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

מיר אַלע האָבן מיטגעלעבט מיט די עלף געמשפּטע ייִדן אין לענינגראַד און געהאַט דאָס געפיל, אַז דער טריבונאַל דאָרט איז בסך־הכל אַ גילגול פונעם ביילים־פּראָצעס אין קיעוו נאָך ביים צאַר און פונעם דאָקטוירים־בלבול אין מאָסקווע פאַר סטאַלינס טויט. נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס ביילִיסן האָט מען פריי גע־שפּראָכן און די דאָקטוירים האָט מען שפּעטער רעהאַביליטירט, בעת דימשיץ און קוזניעצאָוו האָבן באַקומען טויט־שטראָף (וואָס איז דערנאָך פאַרביטן געוואָרן אויף 15 יאָר קאַטאָרגע) און די אַנדערע 9 באַשולדיקטע — אַ סך יאָרן פאַרשיקונג מיט שווערער אַרבעט.

ס׳איז איבעריק זיך אַריינצולאָזן אין סברה׳ס, צי איז די באַשולדיקונג געווען אַ ריכטיקע, צי אַן אויסגעטראַכטע. ווייל עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז דער איצטיקער, נעאָ־סטאַליניסטישער רעזשים איז מסוגל צו פאַבריצירן אַ באַשולדיקונג, צי פּראָוואָצירן אַ פאַרברעכן, וואָס זאָל זיי געבן אַ יורידישע אסמכתא אַוועקזעצן אויף דער באַשולדיקונג־באַנק וועמען זיי ווילן. בפרט נאָך, אַז זיי דאַרפן נישט אפילו אָנקומען צו אַזעלכע מיטלען, ווייל די ק.ג.ב. — די יורשטע פון נ.ק.וו.ד. און ג.פּ.או., האָט אַ רייכע דערפאַרונג פון אויספּרעסן ווידוי׳ס, חרטה׳ס און אַליין־באַשולדיקונגען פון מענטשן, וואָס זענען געווען גאָט די נשמה שולדיק...

אויב אפילו צולאָזן אַ שמץ פון פאַרדאַכט, אַז די עלף יידן האָבן טאַקע געוואָלט פאַר־כאַפּן אַן עראָפּלאַן און זיך אַרויסבאַקומען פון די גרענעצן פון רוסלאַנד כדי עולה זיין קיין ישראל — האָט טאַקע דער פּראָצעס געמוזט פאַרקומען הינטער פאַרמאַכטע טירן? האָט מען דאָס אַלץ געמוזט פאַרשווייגן אין דער גאַנצער סאָוויעטישער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע? און פאַרוואָס דער פחד אַריינצולאָזן אין געריכט־זאַל אַן אויסלענדישן זשור־נאַליסט, צי אַ נייטראַלן יוריסט פון „אַמנעסטי״, אָדער אַן אַדוואָקאַט פון דענעמאַרק צי פון די פּאַר. שטאַטן?

און ווי איז עס געהערט געוואָרן, אַז פאַר אַ בלויזער כוונה צו באַגיין אַ פאַרברעכן (וואָס איז נישט געוואָרן אויסגעפירט), זאָל מען אַרויסטראָגן אַזעלכע האַרבע אורטיילן, מיט טויט־שטראָף?

אויף די אַלע פראַגן, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אגב געשטעלט געוואָרן אויך דורך די קאָמוניסטישע צייטונגען אין פראַנקרייך, איטאַליע און ענגלאַנד — איז ביז היינט נישטאָ קיין ענטפער און פאַרענטפער. ווייל אַזוי פירט זיך אינעם סאָוויעטישן וועלטל שוין העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט: זיי פאָדערן יושר און דעמאָקראַטיע ביי יענעם, פרייהייט — פון אַנדערע, נאָר קיינמאָל נישט פון זיך גופא...

נאָך מער: זאָל ווער פון די סאָוויעטישע בירגער פאַרלאַנגען אַ ביסל פרייהייט צי אַ טראָפּן דעמאָקראַטיע — איז זיין גורל אַ געחתמעטער. אַלע תפיסות, פאַרשיקונג־לאַגערן און... משוגעים־הייזער, זענען פאַר אַזאַ איינעם אָפן. הערמעטיש פאַרמאַכט זענען בלויז די אויערן און הערצער פון די קרעמל־הערשער.

אַן ענלעכער גורל פון רדיפות דערוואַרט אויך יעדן סאָוויעטישן בירגער, וואָס וויל פאַרלאָזן דאָס לאַנד, כדי עמיגרירן ערגעץ אַנדערש און זיך פאַראייניקן מיט זיין משפחה. און ווי איז צו דעם ייד, וואָס וויל עולה זיין קיין ישראל און זיך באַהעפטן מיט זיין פאָלק און לאַנד.

דער לענינגראַדער פּראָצעס האָט לויטן רצון פון זיינע איניציאַטאָרן, באַדאַרפט דערפילן איינעקע וויכטיקע אויפגאַבן:

משפטן און פאַראורטיילן די עלף כלומרשטע פאַרברעכערס;

אַנוואַרפן אַן אימה און טעראָר אויף די טויזנטער און טויזנטער ייִדישע יוגנטלעכע, וואָס רייסן זיך קומען אַהער מיט אַלע כוחות און ווילן;

געבן אָנצוגעהערן אַלע פּאָטענצעלע קאַנדידאַטן אויף עליה צווישן דעם סאָוויעטישן ייִדנטום, אַז מאָסקווע איז געבליבן טריי איר קעגנערשאַפט צו עליה, צום ציוניזם, צו מדינת ישראל;

אָוועקנעמען דעם חשק ביי אַ גרויסער צאָל ייִדן פון שרייבן ווענדונגען און בריוו צום אויבער־סאָוויעט, צו פּאָדגאָרנין, ברעזשניעוו, קאָסיגינען, צום נשיא זלמן שזר, צו גאָלדע מאיר, צו ניקסאָנען, צו או טאַנטן — אַז זיי ווילן פאָרן קיין ישראל;

אָנשרעקן די צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע, וואָס פאַרזאַמלען זיך יעדער שמחת־תורה ביי דער שול אין מאָסקווע און אנשטאָט „שיראָקאָ מאַיאָ סטראַנאַ ראָדנאַיאַ" זינגען זיי גאָר „הבה נגילה", „הבאנו שלום עליכם" אָדער דעם אומלעגאַלן הימן פון דער ייִדישער יוגנט אין פ.ס.ס.ר. — „כחול לבן".

מיט איין וואָרט — דערשטיקן די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג ביי דער ייִדישער מינדערהייט דאָרט.

נאָר אונדז שיינט, אַז די איניציאַטאָרן פונעם לענינגראַדער ספּעקטאַקל האָבן דערגרייכט פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן. אויסער אייניקע חסידים־שוטים אין דער וועלט און ביי זיך אין לאַנד, האָט קיינער נישט געגלייבט אין דער אמתדיקייט פון דער באַשול־דיקונג, אין דער אָביעקטיוויקייט פון די ריכטער און אינעם יושר פונעם אורטייל. דערפאַר אַזאַ שטורעם אין דער ייִדישער און נישט־ייִדישער וועלט: דעמאָנסט־ראַציעס, הונגער־שטרייקן, פּראָטעסטן, זיץ־שטרייקן און שאַרפע אַרטיקלען אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער פּרעסע. אויך רעגירונגען, דער פּויפּסט, אינטעלעקטואַלן אינעם רוב פרייע לענדער האָבן אַרויסגעברענגט זייער עמפּערונג קעגן מאָנסטער־פּראָצעס אין לענינגראַד.

נאָר איבער אַלעמען האָט זיך אויפגעהויבן דאָס פאָלק אין ישראל. אַזאַ אידענטיפיצירן זיך מיטן כלל ישראל אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַזאַ סאָלידאַריטעט מיט אחינו בני ישראל אין סאָוויעטישן גלות — האָט מען דאָ נאָך נישט געזען. דער הונגער־שטרייק פון די עולים פון רוסלאַנד ביים כותל המערבי און די תפילות, דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען ביי יענעם פאַרהייליקטן אָרט, ווי אויך די פּראָטעסט־טעלעגראַמעס צו הונדערטער אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און פּערזענלעכקייטן אויף דער וועלט — האָבן אויף אַ ספּאָנטאַנעם און רירנדיקן אופן געברענגט צום אויסדרוק אונדזערע געפילן און ציטער איבערן גורל פונעם גרויסן ייִדישן קיבוץ אין רוסלאַנד.

דאָס פאָלק אין ישראל איז נישט געשלאָפן און אויך נישט געלאָזט איינדרימלען די וועלט. נאָר אין דעם זכות איז דער טויט־אורטייל איבער די צוויי פאַרביטן געוואָרן אויף תפיסה. (עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז נאָכן אַמנעסטירן דורכן גענעראַל פראַנקאָ די זעקס צום טויט־פאַרמשפּטע באַסקן, האָט דער סעקרעטאַר ברעזשניעוו אויך געמוזט אַרויסווייזן אַ ביסל רחמים צו די צוויי צום טויט פאַרמשפּטע ייִדן).

די עלף פאַרמשפּטע אין לענינגראַד געפינען זיך שוין אין די גרויזאַמע פאַרשיקונג־ערטער — און דער רעזשים גרייט נאָך אַנטי־ציוניסטישע פּראָצעסן אין ריגע, קישיניעוו און אָדעס. די סאָוויעטיש־אַראַבישע צוזאַמענאַרבעט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביים סועץ און אין דמשק. מאָסקווע האָט „אויסגעצויגן דעם אַנטי־ציוניסטישן פראָנט" אַזש ביז אירע ייִדן. נאָר אויב העכער פופציק יאָר צוואַנגס־אַסימילאַציע האָט נישט געהאָלפן, וועט אויך די איצטיקע שנאת ציון פון קרעמל נישט איינברעכן דעם ווילן פון אונדזערע ברידער זיך אויסצולעבן אין אייגענעם לאַנד. די ייִדן אין רוסלאַנד מוז געגעבן ווערן די מעגלעכקייט פון פרייער עליה. דער רוף „שלח את עמי" האָט נאָכן לענינגראַדער משפּט באַקומען מער קראַפט און באַדייטונג.

(פּאַ"צ י—ם, דעצ'־יאַנ' 71')

## דער אויסנאַם רומעניע

גאָלדע מאיר, פּרעמיער־מיניסטער פון ישראל, האָט ערשט נישט לאַנג זיך אומגעקערט פון איר באַזוך אין רומעניע, אויף דער איינלאַדונג פון פּרעזידענט טשאושעסקו. דער עצם פאַקט פון פאַרבעטן דעם ראש פון ישראלדיקן מיניסטאָרן־קאַבינעט דורך אַ קאָמוניסטישער מדינה, אין אַ צייט פון אַבסאָלוטן בויקאָטירן ישראל מצד דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן בלאָק — איז אַן־און־פאַר־זיך געווען אַ מוטיקער שריט פון בוקאַרעשט, וועלכע נעמט נישט אָן דעם דיקטאָט פון מאָסקווע און האָט נישט בדעה אויסצוגלייכן די ליניע מיט אירע וואַסאַלן־מדינות אין מזרח־אייראָפּע.

היינט, ווען מיר זענען שוין אַ ביסל דערווייטערט פונעם באַזוך, הערט מען נישט אויף צו ריידן נאָך אַלץ וועגן דער וואַרעמער אויפנאַמע דאָרט, די אָפנהאַרציקע געשפּרעכן און גאָר באַזונדערס — דער צוזאַמענטרעף מיטן רומענישן ייִדנטום. גאָלדעס וויזיט אין רומעניע איז אָן שום ספק אַ קרוינונג פון טשאושעסקוס זעלבשטענדיקער און אויסנאַמווייזער פּאָליטיק כלפּי דעם אייגענעם לאַנד, כלפּי דעם סאָציאַליסטישן בלאָק מיט מאָסקווע בראש און איר קאָנסעקווענטן צוגאַנג צו מדינת ישראל זינט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

דער „ישראלדיקער אַספּעקט" אין רומעניעס אויסערן־פּאָליטיק איז, בעצם, אַ פּועל־יוצא פון איר אַלגעמיינער איינשטעלונג צו מזרח און צו מערב, ביים גלייכצייטיקן פּאָרזיכטי־קן און ביז איצט דערפאָלגרייכן שפּאַנען צווישן די צוויי צעקריגטע קאָמוניסטישע ריזן: כינע און ראַטן־פאַרבאַנד.

מ׳דערציילט, אַז רומעניעס פּרעזידענט, טשאַושעסקו, וווינט נישט ווייט פון דער פרילינג־אַלייע אין בוקאַרעשט, וואָס האָט פריער געהייסן זשדאַנאָוו־אַלייע. אַ סברה, אַז פון אַלע מזרח־אייראָפּעישע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, האָט בלויז רומעניע זיך באַפרייט פון דער זשדאַ־נאָוויש־סטאַליניסטישער תקופה, נישט דערלאָזט קיין ריקצוג אויף דעם פראָנט, ווי דאָס איז פאָרגעקומען מיט מאָסקווע, וואַרשע, סאָפיע און פּראַג. דאָס ווערטל „ווי עס קריסטלט זיך — אַזוי ייִדלט זיך" האָט באַקומען דעם ריכטיקן גלגול און תיקון אינעם קאָמפּלעקס באַציונגען פון רומעניע צו אירע נאָענטע (געאָגראַפיש און אידעיש) שכנים, צו איר ייִדישער מינדער־הייט, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, און אחרון אחרון חביב — צו מדינת ישראל. טשאַושעסקו האָט באַוויזן, אַז מ׳קאָן פירן אַ קאָמוניסטישע מדינה אָן אַנטי־ישראלדיקייט, אָן אַנטי־ציוניזם און אָן אַנטי־ייִדישקייט ביי זיך אין לאַנד.

נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען טשאושעסקו איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביים רודער פון דער מדינה, האַט ער אויסגעלאַכט יענע טעאַרעטיקערס וואָס זאָגן אויף זיך מיט קאַטעגאָ־רישקייט „מאַרקסיזם — דאָס בין איך!"; אָדער: „מאַרקס און ענגעלס גופא האָבן געלאַכט פון די וואָס האָבן געוואַרט צו געפינען אין זייער לערע אַ לייזונג פון אַלץ". די דאָזיקע רייד און אויך פּראַקטישע מעשים זענען געזאָגט און געטאָן געוואָרן, טראָץ דעם אָפענעם און קאָנספּיראַטיוון דרוק פון מאָסקווע צו דערשטיקן יעטוועדער אָפּאָזיציע ביי אירע פריינדלעכע מדינות, ווי זי טוט דאָס ביי זיך אין דער היים, רומעניע האָט געוואַגט ווידערשפּעניקן דעם „גרויסן ברודער" פון טשעכאָסלאָוואַקיי; טשאושעסקו האָט מצליח געווען צו חברן זיך מיט פּעקין, לעבן בשלום מיט וואַשינגטאָן, איינהאַלטן די בעסטע באַציונגען מיט די אַראַבישע לענדער און נישט פאַרקלאַפּן די טיר פאַר ישראל. בוקאַרעשט האָט באַוויזן, אַז מיינונג־פאַרשידנהייט קען אויך גיין געפּאָרט מיט מיינונג־אויסטויש און אַז אָנגעהעריקייט צום „וואַרשעווער פאַקט" מוז זיך נישט אידענטיפיצירן מיט אונטערטעניקייט צו סאָוויעט־רוסלאַנד.

דעריבער האָט אויסגעזען נאַטירלעך און זעלבפאַרשטענדלעך, וואָס נאָכן וויזיט פון טשאושעסקו אין קאַיר, האָט ער פאַרבעטן צו זיך גאָלדע מאיר. אַרום דער דאָזיקער איינלאַדונג זענען פאַרשפּרייט געוואָרן פאַרשידענע ווערסיעס:

א) סאַדאַט זאָל האָבן געגעבן אָנצוגעהערן טשאַושעסקון, אַז ר׳איז גרייט עפּעס אַראָפּלאָזן פונעם פּרייז, הגם דער טאָן וועט זיין דער זעלבער, אויב נישט אַ נאָך העכערער.

ב) אַז הינטער דער איינלאַדונג זאָל גאָר שטיין מאָסקווע, וועלכע האָט אַן אינטערעס אַדורכצוקומען מיט גוטן, ווייל מיט בייזן האָט זי דערוויַיל גאָרנישט דערגרייכט.

ג) נאָכן דורכפאַל, צי פאַרגליווערונג פון די ביז איצטיקע פּאַרמיטלערס — יאַרינג, ראַדזשערס, סיסקאָ, די פיר גרויסמאַכטן, די צוויי — איז אפשר רומעניע דער פּאַסיקער קאַנדידאַט אויף צו פּרוּוון פּאַרסירן דעם שלום אין אונדזער ראַיאָן.

ד) אַז רומעניעס איניציאַטיוו איז דיקטירט פון אירע ריינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן: כל זמן דער קאָנפליקט אין נאָענטן מזרח דויערט, שטאַרקט זיך די השפּעה פון ראַטן־פאַרבאַנד אין דעם גאַנצן ראַיאָן, אין מיטללענדישן און שוואַרצן ים, וואָס איז שטאַרק נוגע דער רומענישער פּאָלקס־רעפּובליק.

אַ וואָסערע ס׳זאָלן נישט זיין די מאָטיוון פון פאַרבעטן דורך בוקאַרעשט דעם ישראל־פּרעמיער, איז קלאָר, אַז דאָס איז נישט געקומען אויף עמעצנס באַשטעלונג, אָדער אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קאָניונקטור־פּאָליטיק. דערפאַר גלויבן מיר די אָפיציעלע וואָרטזאָגערס פון רומעניע, ווען זיי שטרייכן אונטער, אַז „מיר זענען באַזאָרגט פון דער כסדרדיקער שפּאַנונג אויפן נאָענטן מזרח״. און אין רעזולטאַט פון אַזאַ צוגאַנג — די גוטע באַציונגען פון בוקאַרעשט מיט קאַיר און ירושלים איינצייטיק.

ווי דער שטייגער נאָך יעדער דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישן באַזוך, ווערט פאַרעפנטלעכט אַ בשותּפותדיקע דערקלערונג. פון איר טאָקע דערוויסן מיר זיך, אַז די געשפּרעכן זענען געפירט געוואָרן אין אַ האַרציקער אַטמאָספער און געשאַפן אַ מעגלעכקייט אויסצוברייטערן די באַציונגען צווישן ביידע מדינות, וואָס רעספּעקטירן די פּרינציפּן פון זעלבשטענדיקייט און נאַציאָנאַלע סוווערעניטעט און זענען קעגן אַריינמישן זיך אין די אינערלעכע ענייִנים; רעספּעקטירן די רעכט פון יעדער פאָלק פריי צו באַשטימען זיין גורל — אָן דרויסנדיקער אינטערווענץ, און דער עיקר: שטרייט־פראַגן רעגולירן אויף פרידלעכע וועגן; אויסמיידן דאָס באַנוצן זיך מיט כוח אינעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן און אויך דעם סיכסוך אין נאָענטן מזרח — לייזן אויפן וועג פון שלום.

נאָך איידער ס׳איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די געמיינזאַמע דעקלאַראַציע, האָבן מיר זי געהערט, אין אַן אַנדערן נוסח און שפּראַך, פון פּרעמיער מאורער, בעת ער האָט באַגריסט גאָלדע מאיר אויפן פלי־פעלד אין בוקאַרעשט:

„אייער באַזוך אַנטשפּרעכט דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון די באַציונגען צווישן אונדזערע ביידע לענדער און דריקט אויס די שטרעבונג נאָך בעסער צו דערקענען איינער דעם צווייטן און מערער אַנטוויקלען די באַציונגען צווישן ביידע פעלקער. רומעניע און ישראל האָבן פאַרשידענע סאָציאַלע און פּאָליטישע רעזשימען און אונדזערע אויפפאַסונגען צו אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען זענען נישט די זעלבע, אָבער דאָס דאַרף נישט אָפּהאַלטן פרידלעכע קאָ־עקזיסטענץ צווישן פעלקער״.

מיר ווייסן, אַז ביים ה׳ מאורער זענען דאָס נישט קיין רייד אויף עקספּאָרט. רומעניע, מיט איר קאָנסעקווענטער פּאָליטיק כלפּי ישראל פון יוני 1967, האָט אויך פּאַקטיש רעאַליזירט די דאָזיקע איינשטעלונג. פונדעסטוועגן האָט גאָלדע מאיר, אין איר ענטפער דעם חשובֿן גאַסטגעבער, ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל באַדאַרפט אויפקלערן דעם ישראלדיקן אני־מאמין ווי אַזוי דערגיין צום געגאַרטן שלום:

„איך רעפּרעזענטיר אַן אַלט פאָלק מיט אַ לאַנגער געשיכטע און טראַגישער פאַרגאַנגענהייט. מיר געפינען זיך צווישן 18 אַראַבישע סוווערענע מדינות מיט אַ באַפעלקערונג פון 100 מיליאָן. כמעט אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אַלע זוכה געווען צו זעלבשטענדיקייט —

אָבער קיין איין טאָג נישט געהאַט קיין שלום. 24 יאָר רופן מיר אונדזערע שכנים צום פאַרהאַנדלונג־טיש".

ליידער, ביז איצט איז דער דאָזיקער רוף געווען אַ קול קורא במדבר, ער איז אָבער לעצטנס געשטאַרקט געוואָרן מיטן וויזיט אין בוקאַרעשט, וועלכן געניטע זשורנאַליסטן און ראַפינירטע פּאָליטיקער באַצייכענען אַלס אַן אָנהייב פון ישראלדיקער „אָסטען־פּאָליטיק", אין אַנאַלאָגיע צו ווילי בראַנדטס איבערבעטונג־שריט מיט פוילן און ראַטן־פאַרבאַנד; אַז ירושלים האָט אַן אינטערעס צו עפענען אַ פענצטער צו „יענער וועלט" — און רומעניע איז דער בעסטער אַדרעס פאַר אַזאַ שריט. ווי האָט געשריבן כאסנין הייקאַל: „ישראל וויל אַריינדרינגען אינעם סאָציאַליסטישן בלאָק". צי הייקאַלס השערה איז ריכטיק צי נישט, אונטערליגט אָבער נישט קיין שום ספק, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז איינער פון די עיקר־דיקסטע הויפּט־מחותנים צו קענען רעגולירן דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט אויף אַ פרידלעכן וועג — און אויך פאַרקערט: דערמוטיקן אַגרעסיע און נקמה־געפילן ביי קאַיר. ליידער, איז מאָסקווע מער נוטה צום לעצטן, נאָר דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך. דער פאַקט וואָס דער קרעמל האָט זיך באַצויגן צו גאָלדע מאירס וויזיט אין בוקאַרעשט מיט שטילשווייגנדיקער אַפּראָבאַטע לערנט אונדז, אַז רומעניע איז אפשר נאָענט צו מאָסקוועס שטאַנדפּונקט, הגם דער ראַטן־פאַרבאַנד זעט נישט אין רומעניע אַ „קאָנקורענט" אויפן נאָענטן מזרח.

טשאושעסקוס איינלאַדונג איז אויך אַן אַנצוגעהערעניש פאַר די אַלע אין דער גרויסער וועלט וואָס מיינען, אַז מ'קען אויף אונדז אויפצווינגען אַ לייזונג. זיין פרווו פון פאַרמיטלונג, איז פאַרט ערנסטער און וואָגיקער פון אַזעלכע איינזייטיקע בוררים ווי פראַנקרייך, וואָס האָט נאָך אַלץ מורא פאַר די אַראַבער, צי פון יוגאָסלאַוויע, וועלכע האָט מיט אונדז איבער־געריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, אָדער אַ מאָסקווע, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט קאַירס פאָדערונג פון אַ באַדינגונגסלאָזן און קאַפּיטולירנדיקן ריקצוג פון די פאַרנומענע געביטן — נאָך איידער ס'איז דאָ דער שלום, אָן וועלכע גאַראַנטיעס.

דעריבער מעג מען באַטראַכטן די דאָזיקע וויזיט ווי אַ ערשטראַנגיקן פּאָליטישן אַקט וועלכער האָט געהויבן דעם פּרעסטיזש פוןביידע לענדער און אוודאי אויך אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער די אַראַבישע היצקעפּ...

ווי האָט גאָלדע מאיר באַצייכנט איר באַזוך אין בוקאַרעשט: „אינטערעסאַנט, זייער פריינדלעך און וויכטיק".

(פא"צ י—ם, מאַי 1972)

# דאָס „אויסגעטראַכטע היימלאַנד" פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

אַלע שונאי־ציון אין דער וועלט און פיינד פון מדינת ישראל דאַרפן אויסדריקן אַנדערקע־נונג און אַפילו באַלוינען ליובע בערשאַדסקאַיאַ פאַר איר מאמר אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ' 5 פון יאָר 1973 א"נ „אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד", ווו ס'איז איר געלונגען, אויף די ערשטע 33 זייטלעך פונעם „ליטעראַריש־קינסטלערישן חודש־זשורנאַל, אָרגאַן פון שרייבער־פאַריין פון פססר", אַרויסצוברענגען אויף אַ קאָמפּאַקטן אופן, נאָר מיט אַ סך גאַליקער שנאה, אַ דערציילונג פון אירע 2 יאָר דערפאַרונג אין ישראל ווי אַ נייע עולה פון ראַטן־פאַרבאַנד. אַנטקעגן ליובעס „אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד" (אַזוי הייסט איר מאמר), ווערן בלאָס די שילדערונגען פון אַ קיטשקאַ, איוואַנאָוו, סידאָר אָדער אפילו די גרויל־פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער יידישער מדינה וואָס טראָגט זיך פון די אַראַבישע הויפּטשטעט און פון די כלערליי טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציעס, פון „נייעם לינקס" און פון די נעאָ־נאַצישע און אַנטיסעמיטישע

גרופּן. אויב ס׳האָט אַ געוויסן זין דאָס ווערטל, אַז אַמערגסטן זענען די יידישע אַנטיסעמיטן, איז עס ווי אָפּגעמאָסטן פֿאַר דער דאָזיקער, שוין באַלד 60־יאָריקער יידענע, וואָס טראָגט אַזאַ ליבלעכן נאָמען ווי ליובע — נאָר וואָס שייך איר מיינונג וועגן ישראל, פּאַסט איר גיכער דער פֿאַרנאָמען וואראזשדאַ (האָס, שנאה)...

## געיעג נאָך געלט, רווחים, קאַפּיטאַל — אַזאַ איז ישראל!

די אויטאָרין פֿונעם פּאַשקוויל אין „סאָוועטיש היימלאַנד" דערמאָנט נישט קיין איין מאָל דעם נאָמען שיילאָק, נאָר איינציקע אירע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן אונדזער געלט־גייציקייט (וואָס דערגייט אַפֿילו ביז דערמאָרדן אַ זון דורך זיין טאַטן צוליב עטלעכע פֿונט) — דאַרף שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז די אור־אור־אייניקלעך פֿונעם סוחר פֿון ווענעדיק, זענען אויף אַ סך איבערגעשטיגן זייער עלטער־זיידן, שעקספּירס העלד. לאָמיר ברענגען אייניקע ציטאַטן:

„אין ישראל איז דער כלל אַזאַ: האָסטו געלט, ביסטו אַ מענטש, האָסטו נישט קיין געלט — ביסטו געגליכן צו אַ הונט"; „אין ישראל איז געלט, קאַפּיטאַל — דער עיקר פֿון אַלע עיקרים"; „אין ישראל ווייסט מען נישט פֿון סענטימענטן. דאָרט זענען מענטשן „סחורה", וועלכע מען קען פֿאַרקויפֿן מיט רווח אָדער אָן רווח"; „אין ישראל זענען פֿיל מענטשן ממש מיט פֿאַרשטיינערטע הערצער, זיי זענען גלייכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען. נישט גלייכגילטיק זענען זיי צו געלט". „מיר (ד. ה. די נייע עולים פֿון רוסלאַנד) האָבן זיך דערוווּסט, אַז קרענקען אין ישראל און נישט האָבן קיין געלט — איז די שרעקלעכסטע זאַך"; „דער עולה וועט קיינמאָל נישט קאָנען לעבן אין ישראל אַזוי, אַז מען זאָל אים האַלטן פֿאַר אַ בכבודיקן מענטש — און דאָס איז נישט דערפֿאַר וואָס ער פֿאַרשטייט נישט ווי אַזוי צו לעבן, נאָר וויל אים פֿעלט אויס געלט אויף צו לעבן"; „ישראל דאַרף היינט האָבן סאָלדאַטן און קאָמערסאַנטן וואָס פֿאַרשטייען די ספּעציפֿיק פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט!".

אין איר לאַנגן, באַשמוצנדיקן אַרטיקל עקזיסטירן נישט אין אונדזער יונגער מדינה קיין פּראָבלעמען פֿון שלום, זיכערקייט, מלחמות, טעראָר, עליה, קליטה, בילדונג און דערציונג, צונויפֿשמעלץ פֿון גלותן, פּרוּוון צו לייזן אַנגעווייטיקטע סאָציאַלע פּראָבלעמען אדג"ל. די „כאַווערטע" בערשאַדסקאַיאַ דערמאָנט נישט די אַלע ענינים, ווייל זי דאַרף דאָך שילדערן די ישראל־איינוווינער, אַז זייער איינציקע אויפֿגאַבע און דעוויז זענען — געלט. אדרבה, לייענט ווייטער:

„שבת גייט אַ פֿרומער ייד דאַווענען אין שיל אַריין. אַ נישט רעליגיעזער — אין קאַפֿע, טרינקט טיי און פֿירט ביי אַ טישל אַ שמועס. די טעמע איז שטענדיק איינע און די זעלבע: געלט, רווחים, שטייערן".

אינטערעסאַנט, ווי די דאָזיקע פֿרוי איז ממש אַ מייסטערין אין אונטערהערן געשפּרעכן ביי קאַפֿע־טישלעך... והראייה — פּרעציז און זיכער שטעלט זי פֿעסט, אַז די טעמע דאָרט איז שטענדיק וועגן געלט און רווחים. אויך ווייסט זי צו דערציילן, אָנעם דערמאָנען אַ דאַטע, אַ נאָמען, אַז: „אַן אייגנטימער פֿון אַ גרויסן מאַגאַזין האָט געשלאָגן ביז טויט זיין זון (מ׳האָט אים געמוזט אָפּפֿירן אין שפּיטאָל) דערפֿאַר וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט אַ סוועטער פֿאַר 35 פֿונט און דאָס געלט אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע". און נאָך אַ מעשה פֿון דעם סאָרט האָט זי: „אַן אייגנטימער פֿון אַ גרויסער קאָנדיטעריי האָט זיך צעקריגט מיט זיין ווייב, ווייל זי האָט פֿאַרקויפֿט סחורה פֿאַר קלענערע פּרייזן און בעת דער קריגעריי איר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. האָט מען אים דערפֿאַר אַרעסטירט, און בעת דער טאַטע איז געזעסן אין תפיסה, האָבן די זין פֿאַרקויפֿט די קאָנדיטעריי און דאָס געלט פֿאַרשפּילט אין קאָרטן"...

דאָס קאַפּיטל געלט איז כדאי צו פאַרענדיקן מיט אירס אַן „אַנאַלאָגיע" צווישן שלום־עליכמס שטעטל און דעם איצטיקן „שטעטל" — מדינת ישראל:

„די היינטיקע ישראל — איז פּאַקטיש אַ שטעטל פון שלום עליכמס צייטן, מיט איין חילוק, וואָס אין יענעם שטעטל איז געווען איין נגיד, אין ישראל — פיל נגידים, נאָר לויט דער אכזריותדיקייט, קולטורלאָזיקייט, האַרצלאָזיקייט, זענען די נגידים פון ישראל אַוועק אַ סך ווייטער פון די נגידים פון שלום עליכמס צייטן".

אויך איר, ליובע בערשאַדסקאַיאַ, אין אייער פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון ישראל און פון אירע יידן, זענט אַוועק אַ סך ווייטער פון די ערגסטע אַנטיסעמיטן. כלפּי אונדזער היימלאַנד, וואָס האָט אייך אַזוי וואַרעם אויפגענומען און אַפילו דערמעגלעכט צו זיין אַ שליח־ציבור צו יידן אין דער וועלט — האָט איר אַרויסגעוויזן נישט ווינציק אכזריותדיקייט, קולטורלאָזיקייט און האַרצלאָזיקייט.

## ווער זייט איר פאַר איינע, ליובע לעאָנטעוונאַ?

די כמעט פולע ביאָגראַפישע שילדערונג פונעם רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אהרון ווערגעליס, און אויטאָ־ביאָגראַפיע פון דער אויטאָרין פונעם פּאַשקוויל, דערמעגלעכן אַלזייטיק צו באַקענען זיך מיט אַ סך פּרטים, וועלכע קענען אַן־און־פאַר־זיך דינען ווי אַ פּאַראַדיע־ראָמאַן לויט איליאַ ערענבורגס „דאָס שטורמישע לעבן פון לאַזיק רויטשוואַנעץ". ליובע איז געבוירן אין יאָר 1916 אין טשערקאַסי, אין 1930 געענדיקט 7 קלאַסן מיטלשול אין קיעוו. אין 1932 אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע און דאָרט 2 יאָר שטודירט אויף ענגליש־קורסן. אין 1945 — אַרעסטירט פאַר אַנטי־סאָוועטישער טעטיקייט. אין 1948 — אַרויס אויף דער פריי. ווידער פאַרגעזעצט צו טאָן שאָדן דער סאָוועטן־מלוכה און נאָכאַמאָל רעפּרעסירט געוואָרן. אין 1956 — באַפרייט, צי אַמנעסטירט געוואָרן. ביז 1970 געוווינט אין קעמעראָוואָ, קיעוו, אירקוטסק, סאָטשי, פּאָדאָלסק. אין 1970 עמיגרירט מיט איר מאַן קיין ישראל. צוויי זין און אַ טאָכטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן און דאָרט פאַרבליבן.

און נאָך עפּעס: צו 16 יאָר האָט זי געטאַנצט אין „באָלשאָי טעאַטער", געגרייט זיך צו ווערן אַ קונסט־טוערין. געלערנט באַלעט ביים פּראָפ' זאַכאַראָוו, דעקלאַמאַציע — ביי וואַכטאַנגעוון, קינאָ־אַקטיאָר — ביי גריגאָרי ראָשאַל. אַלס 18־יאָריק מיידל איז זי פון 1140 קאַנדידאָטן אָנגענומען געוואָרן, אין אַ גרופּע פון 13, אויפן אַקטיאָרישן פאַקולטעט פונעם אַלפאַרבאַנדישן קינאָ־אינסטיטוט.

פון דעם „ביאָגראַפישן איבערזיכט" איז צו זען, אַז אין איר לעבן האָט ליובע סיי געשפּילט פאַרשידענע ראָלעס, סיי געוואַנדערט פון איין אָרט צום צווייטן, ביז —

„דעם 15־טן יולי 1970 האָב איך פאַרלאָזט מיין היימלאַנד — שרייבט זי מיט צער און טרויער — ווו כ'האָב אָפּגעלעבט 54 יאָר, געוויינט און געפרייט זיך, ווו מיין פּערזענלעך לעבן האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעריסן און איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן, ווו ס'איז פאַרלאָפן מיין שטורמיש און געפּלאָנטערט לעבן מיט אַלע זיינע פריידן און ליידן".

נאָר ענדלעך קומט זי אָן קיין ווין, דעם טראַנזיט־פּונקט קיין ישראל, וווהין זי האָט געשטרעבט, נאָך זייענדיק אין מאָסקווע, „גיין צופוס אינעם לאַנד פון די אַבות"... אין ווין פירט איר דער אויטאָבוס און — — — „איך קוק אינעם פענצטערל און קאָן נישט פאַרשטיין דעם געפּלאָנטערטן גאַנג פון מיינע געדאַנקען".

ריכטיק! ווער עס לייענט איר האַרבן באַשולדיקונג־אַקט און איז עטוואָס אָריענטירט אין דער ישראלדיקער פּראָבלעמאַטיק, וועט פולשטענדיק מסכים זיין, אַז אירע געדאַנקען האָבן באמת אַ געפּלאָנטערטן גאַנג, אין רעזולטאַט פון אַ געפּלאָנטערט לעבן; אַז קיין שום

לאַנד געפעלט איר נישט, אַריינגערעכנט אַפילו דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ מ'האָט איר צוויי מאָל פאַרמשפּט און געהאַלטן 10 יאָר אין תּפיסה און לאַגערן.

און נאָך אַ פּרט וואָס כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע פרוי:

„קיין אַמעריקע בין איך געפאָרן לויט דער איינלאַדונג פון צוויי יידישע אָרגאַניזאַציעס — אַ סאַן־פראַנציסקער און אַ קליוולענדער, באַזאָרגט מיטן געהעריקן קאָמפאָרט און אַלע באַקוועמלעכקייטן איך זאָל קענען באַזוכן 24 שטעט פון די פּאַר. שטאַטן און קאַנאַדע". אויב גלייבן איר ווייטערדיקער שילדערונג, האָט זי באמת שווער געהאָרעוועט: „געשלאָפן בין איך אין די עראָפּלאַנען, געוואַשן זיך 2—3 אַזייגער ביינאַכט. איך האָב גערעדט, געענטפערט אויף פראַגן, געשריען ביז הייזעריק ווערן, ניט אַריינטראַכטנדיק זיך אין דעם וואָס איך רייד"...

אָט האָט איר נאָך אַ צוגאַבע צו ליובעס פּסיכישן צושטאַנד. זי טראַכט נישט וועגן וואָס זי רעדט און איז זיך אָפנהאַרציק מודה, אַז אינערגעץ קען זי זיך נישט באַזעצן.

„איך בין געווען אין אַמעריקע, קאַנאַדע, פּאַריז, בעלגיע און אומעטום האָב איך מקנא געווען די מענטשן וואָס לעבן אויף זייער ערד. איך האָב זיך געפילט צווישן זיי ווי אַ פרעמדע, ווי אַן אָרעמע קרובה, ווי אַ וואַנדער־פויגל וואָס קיינער דאַרף מיך נישט... איך בין שוין געווען אין אַלע לענדער און אין ערגעץ קען איך זיך נישט איינוואָרצלען".

נאָר אַמערגסטן איז איר, נעבעך, געווען אין ישראל. „יעדער טאָג ברענגט מיר נייע ליידן, געבנדיק צו פילן, אַז איך בין נישט אין דער היים. אפילו מיטן מאַן שווייגן מיר מער ווי מיר ריידן..."

וואָס איז איר יאָ נאָענט?

„יאָ, איך האָב אין מאָסקווע נישט ווייניק געליטן, דאָ איז מיין פּערזענלעך לעבן צעבראָכן געוואָרן און האָט ווידער אויפגעלעבט. מיין ביאָגראַפיע איז אַ שווערע, אַ פאַר־פלאָנטערטע, איך בין אַפילו געזעסן 10 יאָר אין לאַגער (אינעם פּעריאָד פון יחיד־קולט) — אָבער דאָס אַלץ איז דאָך געווען מיינס, אי די ליידן, אי די פריידן".

און מיט וויפל באַדויער און טרויער לייענען זיך אירע שורות:

„ווען איך וואָלט פאַר מיין אָפּפאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט צו הערן פון עמעצן אַזאַ באַשרייבונג פון ישראל, וואָלט איך מן הסתּמא די נאַרישקייט נישט געטאָן".

אָטאָ דער ליגן רייסט באמת די אויגן. וואָס הייסט עס, אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, נישט האָבן די מעגלעכקייט צו לייענען אַזאַ באַשרייבונג פון ישראל? אַ סך יאָרן פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, און באַזונדערס נאָך יוני 1967, זענען דאָך די „פּראַוודאַ" און „איזוועסטיאַ", דער „טרוד" און די „ליטעראַטורניאַ גאַזעטאַ", דער „אָגאָניאָק" און די „נאָוואָיע ורעמיאַ", שוין אָפּגערעדט פון דער פּרעסע פון די באַזונדערע רעפּובליקן, מיט „סאָוועטיש היימלאַנד" און דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" בראש, פול געווען, אין יעדער נומער כמעט, מיט אַנטי־ציוניסטישע העץ־אַרטיקלען און פינצטערע שילדערונגען פון ישראל, וועלכע מ'האָט פאַרגליכן מיט נאַצי־דייטשלאַנד און אונדזער אַרמיי — מיט די ס. ס. רוצחים. כ'בין מער ווי זיכער, אַז ליובע לעאָנטעוונאַ האָט געלייענט די אַלע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און העץ־מאַטעריאַל. נאָר וואָס דען? ווי דער רוב יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט זי בשעתו פאַרשטאַנען, אַז אויב די „פּראַוודאַ" („אמת") שרייבט אַזוי — איז עס נישט אַנדערש ווי אַ ליגן! און פונקט אַזוי וועט מען פאַרשטיין און אָפּשאַצן דעם איצטיקן גרויל־סיפור אירן אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

אין די טעג ווען כ'האָב געלייענט ליובעס „דערפאַרונגען" ווי אַ נייע עולה, האָבן אין מאָסקווע געפירט אַ הונגער־שטרייק יידישע געלערנטע און וויסנשאַפטלערס מיטן ציל: דערלויבן זיי צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און עולה זיין קיין ישראל! לויט באַגלויבטע קוועלן און

ציפערן, זענען ביז 120 טויזנט סאָוויעטישע יידן פאַרשריבן אויף עליה, נאָר דער „אָוויר״ איילט זיך נישט אָנטקעגנצוקומען די אַלע בקשות. אַפילו די גרויסע סומען אויסלייז־געלט האָבן נישט אָפּגעהאַלטן יידישע אַקאַדעמיקער צו קומען קיין ישראל און דאָס צייטווייליקע אָפּשטעלן די דאָזיקע גזירה וועט אַוודאי נאָך מער פאַרגרעסערן דעם דראַנג צו עליה. מעג מען צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אהרון ווערגעליס, דער „אוטשאַני יעווריי״ פונעם אַנטי־ישראלדיקן און אַנטי־ציוניסטישן סאָוועטישן רעזשים, האָט גאַסטפרייַנדלעך אָוועקגעגעבן די ערשטע 33 זייטן פון זיין זשורנאַל, וואָס דאַרף זיך, בעצם פאַרנעמען מיט בלויזע ליטעראַטור־ און קולטור־פּראָבלעמען — פאַר אַ ביליקן פּאַשקוויל קעגן ישראל, באַזונדערס קעגן דער עליה, כדי די סאָוויעטישע יידן זאָל פאַרגיין דער אַפּעטיט עולה צו זיין. אָט זענען נאָך אייניקע בלימעלעך פון ליובעס מרה־שחורהדיקן „בוקעט״ וועגן עולים און עליה:

„דער נייער עולה פון ראַטן־פאַרבאַנד אין ישראל ווערט מיד, אומבאַהאָלפן, נעבעכדיק, אַז עס ווילט זיך וויינען, קוקנדיק אויף אים. דער עולה פילט זיך איינזאַם און איזאָלירט״; „דער געדאַנק וועגן אָוועקפאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין ישראל — איז אַ קאַטאַסטראָפאַלער״; „אַ שלעכטע טובה טוט מען די יידן, וואָס מען רופט זיי פאָרן קיין ישראל״; „מיר קומען צו פאָרן קיין ישראל, כדי לעבן אין דחקות, דערנידעריקונג און באַליידיקונג״; „טויזנטער לאַנדסלייט מיינע וויינען און קלאָגן, נאָר זיי קאָנען צו גאָרנישט זיך דערשלאָגן, זיי קאָנען נישט דורכהאַקן די וואַנט פון אומפאַרשעמטער אוממענטשלעכקייט״; די געוועזענע סאָוויעטישע יידן וועלן זייער גאַנץ לעבן אָנטרעפן אויף שנאה און קנאה מצד די סאַברעס״; „די סאָוויעטישע יידן וועלן דאָרט (אין ישראל) געפינען יאוש פאַר זיך און האַרצווייטיק פאַר זייערע קינדער״; „מיר האָבן געזען פאַר זיך — — מענטשן אַנטוישטע, בלאָנדזשען אַרום איבער אַ פרעמד, אומבאַקאַנט לאַנד... און וואָס ווייטער ווערט אַלץ קלאָרער, אין וואָס פאַר אַ פאַסטקע זיי זענען אַריינגעפאַלן״...

## נישטאָ אין ישראל קיין ברעקל קולטור...

לויט דער בערשאַדסקאַיאַ, זענען די מענטשן אין ישראל נישט נאָר פאַרדאָרבן, געלט־גייציק, רשעותדיק, ווילן נישט אויפנעמען צי דערנענטערן אַן עולה — נאָר מיר זענען אַ קולטורלאָז פאָלק און לאַנד. „מ׳דאַרף וואָרענען די יידן פון גאָר דער וועלט, אַז יעדע מוטער וואָס ברענגט אירע קינדער קיין ישראל, שליידערט זיי מיט די אייגענע הענט אין פינצטערן תהום, ווו ס׳איז נישטאָ קיין קולטור, ווו עס ווילדעוועט אויסגעלאַסנקייט, ווו ס׳איז נישטאָ קיין צוקונפט״. „אין ישראל זעען די קינדער, אָנהייבנדיק פון די ערשטע טריט, פּאָרנאָגראַפישע פילמען״. אַגב, דערציילט די נישט־דערגאַנגענע פילם־אַקטריסע, אַז פאַר די 2 יאָר זיין אין ישראל, האָט זי געזען נישט מער ווי 2 פילמען — און ביידע מאָל אָוועק אַ קראַנקע, געאיילט זיך נעמען אַ דוש און אויסוואַשן... און נאָך אַ דעפעקט פון אונדזער מדינה: „יידיש לעבן ווי מיר פאַרשטייען עס — איז דאָ, נישטאָ״... אָדער: „דאָס לאַנד לעבט אָן טראַדיציעס״. „איך האָב אין ישראל געזען אַ פשוטן באַלאַגאַן — צעלאָזנקייט און הפקרות וואָס מען רופט אַן קונסט. פון אַזאַ „קונסט״ ווערן דערשטיקט יונגע נשמות, יונגע מוחות... אַ יוגנט מיט אויסגעלאָשענע אויגן, אָן וויסן־גיריקייט, אָן עסטעטישע פאַרלאַנגען״.

אָבער אַזאַ שווערע באַליידיקונג אויפן אַדרעס פון אונדזערע זינגערינס — האָט זיך נאָך קיינער נישט דערלויבט, ווי די דאָזיקע יורד׳טע־באַשמוצערין: „אַ זינגערין אין ישראל איז נישט מחוייב צו האָבן אַ גוטע שטים. קענען זינגען — דאָס איז איר לעצטע דאגה. זי דאַרף אָבער האָבן אַ צוציעוודיקן קערפּער און קענען פלינק אַנטבלויזן אים״...

## פאַרוואָס נישט קאָנפראָנטירן ?

איר צעשמעטערנדיקע קריטיק כלפּי ישראל וואַגט נישט ליובע בערשאַדסקאַיאַ קאָנפראָנטירן מיט דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט. טראָץ אייניקע הורא־פּאַטריאָטיש־סאָוויעטישע חנדלעך (ווייל אַנדערש וואָלט מען איר נישט אָפּגעגעבן אַזאַ אכסניה ווי „סאָוויעטיש היימלאַנד"), לויבט זי אויף ווייניק ערטער און מיט קנאַפּע ווערטער די פאַרהעלטענישן אין ברעזשניעווס מדינה. אַז זי באַשרייבט, צ"ב, דעם שטרייק פון די קראַנקנשוועסטערס אין ישראל („דאָס איז געווען אַ ברוטאַל בילד, דאָס האָרץ האָט ממש געגאָגט פון ווייטיק" — ווייל אין טעלעוויזיע האָט מען געוויזן ווי די קרובים נעמען אַהיים די קראַנקע פון די שפּיטאָלן) — קאָן זי נישט אָנווייזן, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט וועלכע ס'איז אַרבעטער־גרופּע געשטרייקט פאַר די 56 יאָר ראַטנמאַכט.

און זאָל ווער פּרוּוון טאָן אַזאַ זאַך — וואָלט מען דאָרט געטאָן דאָס זעלבע וואָס גאָמולקאַ האָט געטאָן מיט די שטרייקנדיקע אַרבעטער אין דאַנציק און סאָפּאָט מיט אייניקע יאָר צוריק. ביטער וואָלט געווען אַ סאָוויעטישן אַרבעטער, ווען ער וואַגט פּראָטעסטירן, צי שטרייקן קעגן אַ נידעריקן לוין (ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט אונדזערע קראַנקנשוועסטערס) אָדער פאָדערן צו ליקווידירן די לאַנגע רייען נאָך לעבנסמיטל און סחורות.

פונקט אַזוי מאַכט זי בטל — מיט איין פעדער־צי — די פרייהייט פון פּרעסע און וואָרט אין ישראל („דאָס איז אַ ריינער אומזין").

און ווי קאָן מען גלייבן דער דאָזיקער פאַרשאַרטער ליגנערין, ווען זי שרייבט, אַז „די ישראלים שטאָלצירן מיט זייערע סאַנאַטאָריעס און אָפּרוהייזער — דאָס שטערט אָבער נישט דעם בעל־הבית צו נעמען 140 פונט פאַר אַ צימער", בעת פאַר די 2 יאָר פון איר זיין אין ישראל האָט זי זיכער געוווּסט, אַז די הסתדרות און די קיבוצים האַלטן אויס אָפּרו־הייזער פאַר אַרבעטער, ווו דער פּרייז איז דאַן געווען נאָך ווייניקער פון אַ פערטל פון דער סומע וועלכע זי רופט אָן. אָדער אַזאַ זאָג אירער: „שבת אין ישראל, דער איינציקער רו־טאָג, קאָנט איר אין ערגעץ נישט פאָרן, אויב איר האָט נישט קיין אייגענע מאַשין". אויך אין דעם פאַל איז גילטיק דאָס ווערטל, אַז אַ האַלבער אמת איז ערגער פון אַ גאַנצן ליגן. אמת איז, אַז די אויטאָבוסן קורסירן נישט אין שבת, דערפאַר אָבער איז מיט טעקסיס מעגלעך צו פאָרן אומעטום, פאַר אַ נישט צופיל העכערן פּרייז ווי מיטן אויטאָבוס.

וואָס נאָך צוגעבן צו דעם לאַנגן צעטל פון אירע ליגנס ? ס'וואָלט, אייגנטלעך, געווען אַ יושר אָפּצודרוקן איר לאַנגן מאמר, ווי ער גייט און שטייט, אָן קאָמענטאַרן, — און זאָלן די עולים לייענען, הנאה האָבן און אַפילו אויך צושאָקלען טיילמאָל מיטן קאָפּ, אויב די דאָזיקע ליובע האָט זיי אפשר מיט עפּעס־וואָס צוגעטראָפן. אין קעגנזאַץ צו דער סאָוועטישער פּרעסע, וואָלט מען דאָ נישט קאָנפיסקירט איר אַרטיקל פון „סאָוועטיש היימלאַנד", הגם זי טענהט, אַז ס'איז נישטאָ ביי אונדז קיין פרייהייט פון פּרעסע...

צו די אָנגעבראָקטע ליגנס, שרייבט זי נאָך צום סוף: „איך צווייפל נישט, אַז אַלץ וואָס איך שרייב דאָ, דריק איך אויס די איינמוטיקע מיינונג פון 99 פּראָצענט פון די וואָס זענען געקומען פון ר"פ קיין ישראל"... דער אמת איז אָבער דער, אַז פון די העכער 50 טויזנט עולים פון רוסלאַנד, האָבן אַ 2%—3% פאַרלאָזט ישראל — אָבער קיינער פון זיי האָט נאָך אויף אַזאַ אומווירדיקן אופן נישט באַשמוצט די מדינה ווי די בערשאַדסקאַיאַ. ווועט נישט שאָדענען צו דערמאָנען איר און ווערגעליסן, אַז אין די יאָרן 39־1940, האָבן צענדליקער טויזנטער יידן־פּליטים פון פּוילן זיך פאַרשריבן צוריק צו פאָרן אין די אָקופּירטע דורך היטלער־דייטשלאַנד געביטן און אוודאי וואָלט נישט ווייניקער ווי 99% פון זיי געהאַט צו דערציילן מער נעגאַטיווע דערשיינונגען פון דער דעמאָלטיקער סאָוועטישער ווירקלעכקייט,

ווי ליובע האָט איצט צו שילדערן וועגן ישראל. אָבער ביזן פאַרפולן 33 זייטן מיט שקרים, לויט די בעסטע מוסטערן פון דער סאָוויעטישער פרעסע — וואָלט נאָך געוועזן זייער ווייט.

מעגלעך, אַז ליובע בערשאַדסקאַיא איז לכתחילה געשיקט געוואָרן אַהער צו דער דאָזיקער בזיונדיקער מלאכה, כדי צו טאָרפּעדירן דעם ווילן פון הונדערטער טויזנטער (אויב נישט מיליאָנען!) סאָוויעטישע יידן עולה צו זיין — און אַלס „משכון" האָט מען פאַרהאַלטן אירעביידע קינדער... נישקשה, יענער רעזשים איז פעיק צו אַזעלכע מעשים. מעגלעך אויך, אַז זי האָט זיך „איבערגעלייגט" — און וויל צוריק פאָרן צו אירע יורשים, ווי יעדע יידישע מאַמע. די פראַגע איז אָבער די: צי דאַרף זי דערפאַר באַצאָלן מיט אַזאַ פּאַשקוויל?

## „פרעג ביים שונא אַן עצה — און טו פאַרקערט"

לייענענדיק אין „סאָוועטיש היימלאַנד" ליובע בערשאַדסקאַיאַס „אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד", האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פון צו מאַכן אַ געוויסע היסטאָרישע אַנאַלאָגיע מיט די מאָנסטער־פּראָצעסן אין מאָסקווע אין די דרייסיקער יאָרן, ווען דער גענעראַל־פּראָקוראָר פון פסס"ר, ווישינסקי, האָט אין אויפטראָג פון סטאַלינען באַשולדיקט די גאָט די נשמה שולדיקע אַלטע רעוואָלוציאָנערן, ווי ראַדעק, בוכאַרין, פּיאַטאַקאָוו און די גענעראַלן טוכאַטשעווסקי, יאַקיר און אַנדערע, פאַרוואָרפנדיק זיי שפּיאָנאַזש, פאַראַט, מאָרד אדג"ל. 40 יאָר נאָך יענער פינצטערער תקופה האָט ליובע בערשאַדסקאַיאַ, אין אויפטראָג פון אהרון ווערקעליס, גענומען אויף זיך אַן ענלעכע ראָל צו באַשולדיקן, באַשמוצן און פאַרמיאוסן דאָס אַלט־נייע פאָטערלאַנד פונעם יידישן פאָלק — און זי טוט דאָס מיט די זעלבע ראַפינירטע מעטאָדן און דעמאַגאָגיע, הגם מיט וויניקער טאַלאַנט, פון יענעם פּראָקוראָר. נאָר בעת ווישינסקי האָט פון פאָרויס געהאַט אַ פאַרטיקן טויט־אורטייל אויף זיינע באַשולדיקטע, וויל איצט דאָס פּאָרל ווערגעליס — בערשאַדסקאַיא „בלויז" אָפּטויטן ביי די סאָוועטישע יידן דעם חשק פון עולה זיין.

דעריבער זאָגן מיר, אַז נישט מדינת ישראל איז אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד, נאָר 99,9 פּראָצענט פון אייער אַרטיקל איז אויסגעטראַכט, ווי דאָס האָבן געטאָן פאַרשיידענע יידן־האַסערס און מיזאַנטראָפּן, אין אַלע צייטן און דורות. אייער אויסגעטראַכט היימלאַנד, ליובע, איז אַ גאַנצער קנויל פון פאַראַכטונג, ביטערקייט, קידער־ווידער פון אַ בייזער און פאַרביטערטער פרוי. מעגן מיר גלויבן, אַז סאָוועטישע יידן, וועלן נאָכן איבערלייענען אייער אַרטיקל, זיכער מקיים זיין אונדזערס אַן אַלט פאָלקס־ווערטל: „פרעג ביים שונא אַן עצה — און טו פאַרקערט"...

(י"ש ת"א, 25.7.73, 11.7; פא"צ י—ם, יולי 73')

# צווישן מאָסקווע און ירושלים

שרייבן היינט וועגן (און קעגן) ראַטן־פאַרבאַנד, געהערט נישט צו די גרויסע חכמות. יענער רעזשים האָט זיך אַזוי קאָמפּראָמיטירט אין די אויגן פון יעדן ערלעכן סאָציאַליסט און דענקענדיקן ייד, אַז ס'איז נישט נייטיק צו זוכן אין אַרכיוון צי אין ענציקלאָפּעדיעס מאַטעריאַלן אויף צוצוגרייטן אַ באַשולדיקונג־אַקט קעגן מאָסקווע. אונדזער דור געדענקט נאָך די מאָנסטער־פּראָצעסן קעגן פאַרדינסטפולע באָלשעוויקעס אין די דרייסיקער יאָרן; די בלוטיקע צוואַנג־קאָלעקטיוויזאַציע; דער מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך; די פאַרשיקונג־לאַגערן אין וועלכע עס זענען אומגעקומען מיליאָנען, און צווישן זיי — טרייע קאָמוניסטן פון ר"פ און פון אויסלאַנד; דער מאָרד איבער די יידישע שרייבערס און די פאַרניכטונג פון דער יידישער

קולטור — ביז כרושטשאָווס אַנטפּלעקונגען אויפן צוואַנציקסטסן פּאַרטיי־קאָנגרעס און די אַנטי־ישראלדיקע, אַנטי־ציוניסטישע און אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון קרעמל.

אָבער דאָס אַלץ זעט נישט דער אָפּטריניקער שפּליטער פון מק״י — אק״י. אַן אַרטיקל אין זייער באמת נעבעכדיקן בלעטל „אונדזער שטימע", האָט מיך באַוויגן ווידער אַמאָל צו באַשעפּטיקן זיך מיט דער פיינלעכער טעמע „מאָסקווע־ירושלים".

דער פריער דערמאָנטער צעטל פון חטאים און פאַרברעכנס, האָט געעפנט די אויגן ביי אַ סך אָנהענגערס פון קאָמינטערן. זיי האָבן זיך דערפילט אָפּגענאַרט, אַנטוישט, פאַרביטערט. אויך ביי די הונדערטער טויזנטער פליטים פון פוילן, וואָס האָבן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איבערגעלעבט אין יענעם לאַנד און אויף אייגענער הויט דערשפּירט די שאָטן־זייטן פון דעם רעזשים — איז חרוב געוואָרן די אמונה אין אַ בעסערער און שענערער וועלט.

וואָס־זשע האָט פּאַסירט מיט די דאָזיקע אַנטוישטע? אַ גאַלופּ־פאָרשונג וואָלט אָן שום ספק אַנטפּלעקט וויכטיקע מאָמענטן פון דער דאָזיקער דערשיינונג. נאָר אויף וויפל מיר וויסן, האָט אַ באַדייטנדיקער טייל זיך געשטעלט אין אַ זייט, גענומען גאָר אָפּלאָכן פון פּאַרטייען און אידעאָלאָגיעס, פאַרבייטנדיק דעם קאָמוניזם אויף... ניהיליזם: זיי האָבן אויסגעגאָסן דאָס קינד מיטן שעפל...

אַן אַנדער טייל ווידער איז אַריינגעפאַלן אין אַ צווייטן עקסטרעם — גענומען זיך אַנטציקן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, אַפילו אידענטיפיצירט זיך מיט רעכטע, רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. און געוויסע יחידים האָבן גענומען זוכן אַ טרייסט ביים אַלטן יידישן גאָט און אָנגעהויבן תשובה טאָן.

פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע — און זיי, שיינט מיר, זענען דער רוב, וואָס האָבן די אַמאָליקע אויפריכטיקע סאָציאַליסטישע אַנשויונגען טראַנספאָרמירט אויף מדינת ישראל און אהבת ישראל, אויפן גלויבן אינעם יידישן פאָלק און אין זיין נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג — דעם ציוניזם. אַזאַ עוואָלוציע האָט אויך דורכגעמאַכט די ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, מק״י, נאָך אין דער תקופה פון משה סנה. דעם דאָזיקן וועג האָבן אַליין געפונען פיל אָנהענגערס פון מאָסקווע אין דער גרויסער וועלט און אין ישראל און זייער בליק איז געוואָרן אָנגעצילט אויף ירושלים און ציון; דאָס וואָס מ'האָט אַמאָל נעגירט, באַקעמפט און פאַרלייקנט — איז געוואָרן נאָענט און טייער.

און ס'איז נישט קיין וווּנדער. די בייזע ווינטן וואָס האָבן זיך געטראָגן פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן ווי אָפּגעווישט די גרויסע בשורה פון אָקטאָבער וועגן גלייכהייט, ברודערלעכקייט, טאָלעראַנץ און גערעכטיקייט. אויב מען וועט אַמאָל ערנסט אַ טראַכט געבן אין פּאָליטביוראָ וועגן רעהאַביליטאַציע און אויך אָנהייבן גיין אויף אַ נייעם וועג — וועט נעמען אַ וועלט מיט צייט, ביזן צוריק באַקומען צוטרוי און וועלן געבן אַ טראָפן קרעדיט די מנהיגים וואָס וועלן וואָגן איינצופירן ענדערונגען. דערווייל — נישט מען זעט און נישט מען הערט. ס'איז טאַקע פאָרגעקומען אַ דע־סטאַליניזאַציע נאָך אין כרושטשאָווס צייטן, נאָר ביי דער נייער, הערשנדיקער „טרויקע" זענען מיר עדות פון סטאַליניסטישע רעצידיוון, הגם אָן עקזעקוציע־פּלוטאָנען, אָן דעם שוידערלעכן טעראָר פון דער געהיים־פּאָליציי. בנוגע דער יידן־פראַגע, האָבן מיר טאַקע זוכה געווען צו אַן עליה, אָבער די שנאה און העצע קעגן דער יידישער מדינה און דער ציוניסטישער באַוועגונג הערן נישט אויף קיין איין טאָג אין דער סאָוויעטישער פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, ביכער און בראָשורן.

אין די הונדערטער, אויב נישט — טויזנטער, טרעפט מען היינט אין אַלע יידישע תפוצות און אין ישראל די א. ג. „געוועזענע". דאָס זענען די יידן, וואָס יאָרן־לאַנג האָבן זיי זיך אָנגעהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַרגעטערט סטאַלינען און יעדעס וואָרט פון מאָסקווע איז ביי זיי געווען ווי די תורה פון באַרג סיני. ביז ס'איז געקומען דער קראַך,

וואָס האָט, ווי דערמאָנט, אויך אָנגערירט מק״י, אַפילו דערפירט צו אַ שפּאַלטונג אין דער באַוועגונג און גורם געווען צום געבורט פון אַזאַ אַנטי־ישראלדיקע פּאַרטיי ווי רק״ח. ביי יענער שפּאַלטונג האָט אַזאַ ווילער ייד ווי אברהם לאַנצמאַן, פון די אָנגעזעענע מק״י־חברים, זיך געלאָזט אויף איין וועג מיט מיקוניסן און ביסלעכווייז זיך גענומען באַפרייען פונעם מאָסקווער טשאַד. צום באַדויערן — נישט אויף לאַנג. צוזאַמען מיט אסתר ווילענסקא, נ. פאַריזער, י. ליפּסקי און אפשר נאָך אַ מנין יידן, האָט ער פאַר די לעצטע וואַלן צו דער כנסת פאַרלאָזן מק״י און דעם „מוקד״ און געשאַפן אק״י — „קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע אין ישראל״ (עפּעס אַזוינס צווישן רק״ח און מק״י. ווי זאָגט מען ביי יידן: נישט אַהין, נישט אַהער...).

און אויב אַ נייע גרופּע, דאַרף אויך זיין אַ נייַע צייטונג. „אונדזער שטימע״ הייסט זי. 18 זייטעלעך, געסטענסלט, פון וועלכע עס שרייט אַראָפּ דער גייסטיקער דלות און מאַטעריעלע נויט. אינעם צווייטן נומער זענען די רעדאַקטאָרן אַליין זיך מודה: „מיר ראַנגלען זיך מיט גרויסע, פינאַנסיעלע שוועריקייטן״. דאַקעגן וואָס שייך אידעאָלאָגיע, גלייבן די אק״י־לייט, אַז זיי זענען די גרעסטע מיליאָנערן... והראיה: פאַראַן דאָרט נאָטיצן און אַרטיקעלעך וועגן אַ סך פּראָבלעמען. נאָר אונדז אינטערעסירט אין דעם פאַל די אַלטע, אָנגעווייטיקטע טעמע וואָס הייסט מאָסקווע און ירושלים, אָדער ווי הייסט דאָרט דער מאמר פון אברהם לאַנצמאַן: „פאַר באַנייען די ישראל־סאָוויעטישע פריינדשאַפט״.

דער בלויזער „קאָפּ״ האָט איבערראַשט. ווייל אויב עס שטייט פריער „ישראל״ און אויפן צווייטן אָרט „סאָוויעטישע״, הייסט עס, אַז מיר, די יידישע מדינה, דאַרף זיין דער באַנייער: אַז נאָר פון אונדז איז אָפּהענגיק צו ווערן צוריק חבר מיט מאָסקווע, וועלכע איז ברוגז געוואָרן מיט ירושלים אין יוני 1967 און אויך אויפגעצוווּנגען אירע וואַסאַלן אין מזרח־אייראָפּע צו טאָן דאָס זעלבע. (בלויז רומעניע האָט נישט אָנגענומען דעם דיקטאַט פון מאָסקווע). נאָר אָנהייבנדיק לייענען דאָס אַרטיקל, האָב איך געמיינט, אפשר איז שוין פאַראַן אַן אָנדייטונג צי אָנזאָג וועגן באַנייטע דיפּלאָמאַטישע באַציונגען, אָדער אַז „פּראַוודאַ״ און „איזוועסטיאַ״ האָבן אָפּגעשטעלט זייער ווילדע העצע קעגן ישראל. נעכטיקע טעג! זיין רעצידיוויסטישע, פּראָ־סאָוויעטישע קאָנצעפּציע שטיצט זיך בעצם, ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן, אויף אַ פּסוק אָדער ציטאַטע פון ברעזשניעוון, וואָס פאַרופט זיך אויף... לענינען. מיט דעם דאָזיקן פאַראָסטעטן כלי־זין פון ציטאַטעס, וואָס האָט אַמאָל געהערט צום „אייזערנעם פאָנד״ פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וויל אונדז אק״י איינריידן, אַז נאָר פון אונדזער אויסשטרעקן די האַנט צו מאָסקווע, פון אונדזער געענדערטער פּאָליטיק, איז אָפּהענגיק צו באַנייען די פריינדשאַפט.

„אונדזער אויסערן־פּאָליטיק איז געווען, איז און וועט זיין אַ סאָציאַליסטישע קלאַסן־פּאָליטיק לויט איר אינהאַלט און צילן. אָבער דווקא איר סאָציאַליסטישער כאַראַקטער אַנטשיידעט איר ליבע צו שלום״. און ביי דער געלעגנהייט ציטירט ברעזשניעוו לענינען, וועלכער האָט געזאָגט: „מיר ווייסן זייער גוט, וואָס פאַראַ אומגעהויערע אומגליקן עס אַנטהאַלט אין זיך די מלחמה פאַר די אַרבעטער און פּויערים״.

אַז מלחמה אַנטהאַלט אומגעהויערע אומגליקן — האָט מען עס געוווּסט אַ סך פריער פאַר לענינען און עס וועט אויך זיין קלאָר נאָך ברעזשניעוון. פונקט ווי ס׳איז קלאָר אין קרעמל, אַז אויך איבער אונדזערע קעפּ הענגט אַן אומגליק אַזוי לאַנג, כל־זמן דער ראַטן־פאַרבאַנד שטיצט אָן באַוואָרענישן מיליטעריש, פּאָליטיש, עקאָנאָמיש די אַראַבישע מדינות און גלייכצייטיק בויקאָטירן זיי און באַקעמפן מדינת ישראל. אויך דאָס אויפנעמען מיט כבוד יאַסער אַראַפאַטן אין מאָסקווע און דאָס שטיצן זיין רוצחישע אָרגאַניזאַציע, גיסט צו בוימל אויפן מיטל־מזרחדיקן פייער.

אַ סברה, אַז „אונדזער שטימע״ ווייסט דאָס אַלץ — און אפשר דערפאַר דערלויבט מען זיך אויך אונטערבאַמקען אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען און אָנצוגעהערענישן אויפן אַדרעס פון מאָסקווע, אין אַזאַ נוסח:

„נאָך דער 6-טאָגיקער מלחמה האָט דער סאָוויעטן-פאַרבאַנד איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט מדינת ישראל. דער דאָזיקער אויסנאַם-אַקט אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק האָט אונדז זייער נידערגעשלאָגן און מיר זענען נישט גענויגט — אויך היינט — דאָס צו באַרעכטיקן. עס איז אָבער טראָץ דעם נישטאָ קיין צווייפל, אַז דער סאָוויעטן-פאַרבאַנד האָט בייגעשטייערט, גיט היינט אַ בייטראָג און וועט פיל ביישטייערן פאַר צוריקקערן דעם שלום אין אונדזער ראַיאָן. אָבער דאָס וועט זיין מיט געוויסע שוועריקייטן, צוליבן איבעררייסן די באַציונגען מיט ישראל״.

אויף איין אָרט גייט אַפילו א. לאַנצמאַן אַ ביסל ווייטער און ריזיקירט מיט אַ פעסטשטעלונג, אַז „דאָס באַנייען די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיטן ר״פ ווי אויך אַ פאָרשריט צו אַ הסכם און שלום — דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט דער שטעלונג פון סאָוויעטן-פאַרבאַנד אויף דער וועלט און אין אונדזער ראַיאָן״. טאַקע דאָ, נאָר דאָ, ליגט דער הונט באַגראָבן! ווייל פון דער סאָוויעטישער שטעלונג איז אָפּהענגיק ווי אַזוי עס זאָל זיך פאַרמירן דער שלום אויפן נאָענטן מזרח.

נאָר אַק״י איז בעצם מיט דער שפּאַלטונג אויסן געווען צו גראַוויטירן צו רק״ח — דערפאַר קומט באַלד דערנאָך דער שלום-אַקאָרד מיט אַ באַשולדיקונג-אַקט אויפן אַדרעס פון דער ישראל-רעגירונג, הלמאַי די באַציונגען צווישן ירושלים און מאָסקווע זענען אין אַזאַ שפּלדיקן צושטאַנד. ריידנדיק וועגן ענדערונגען, שרייבט א. לאַנצמאַן: „די ענדערונג דאַרפן דורכפירן די רעגירונג-מיטגלידער, די פאַרטיי-פירער און די ברייטע געזעלשאַפטלעכקייט״. און אין אַ פריערדיקער שטעלע האָט ער אַ גרייטן ענטפער, פאַרוואָס עס דאַרף אַזוי זיין:

„די שלום-פּאָליטיק פון סאָוויעטן-פאַרבאַנד פאַלט זיך צונויף מיטן שלום-ווילן פון ישראל-פאָלק אין זיין אָנטשיידנדיקער מערהייט. פון דאַנען דרינגט אַרויס אונדזער שלום-סטראַטעגיע און ס׳איז ריכטיק די מיינונג פון ברייטע קרייזן, אַז דער סאָוויעטן-פאַרבאַנד איז אַ געטרייער און קאָנסעקווענטער פאַרבינדעטער״.

נישט אַנדערש, אַז מיר אַלע האָבן געלעבט איז אַ גראָבן טעות. לויט „אונדזער שטימע״, איז גאָר דער ראַטן-פאַרבאַנד אונדזער „טרייער און קאָנסעקווענטער פאַרבינדעטער״, ער האָט אונדז ממש ליב דאָס לעבן (ווען קאַיר און דמשק ווייסן וועגן דעם — וואָלטן זיי ווידער פאַרטריבן פון דאָרט די סאָוויעטישע ספּעציאַליסטן...) — אויף אַזוי ווייט, אַז אונדזערע לעבנס זענען טאָג-טעגלעך באַדראָט פון די ווייטשיסנדיקע סאָוויעטישע ראַקעטעס „פראָג״, מיט וועלכע סאַדאַט און אַסאַד דראָען חרוב צו מאַכן תל-אביב און חיפה; אַז אין דער יום-כיפור מלחמה האָבן מיר באַצאָלט מיט איבער 2500 יונגע לעבנס, „אַ דאַנק״ די סאָוויעטישע מיג׳ן, טאַנקן, האַרמאַטן, מינעס און אַנדערע כלי-משחית פון דער רויטער אַרמיי.

איי, ווילט זיך באַנייען די ישראל-סאָוויעטישע פריינדשאַפט, ווייל ווער נאָך ווי מדינת ישראל, וועלכע איז איצט איזאָלירט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, אויך צוליב סאָוויעטישן דרוק, שאַנטאַזש און שנאה, נייטיקט זיך אין אַזאַ ידיד ווי דער ראַטן-פאַרבאַנד? נאָר פאַרלויפיק פּראַוועט מאָסקווע פּאָליטיק אויפן חשבון פונעם גורל פון אונדזער מדינה און דעם לעבן פון אירע בירגערס, (אַריינגערעכנט אברהם לאַנצמאַן, אסתר ווילענסקאַ און מאיר ווילנער) — און נישט אַזוי מיר דאַרפן אַדורכפירן די ענדערונג, נאָר יענע ציונישע מנהיגים, וואָס ריידן תמיד וועגן שלום, ציטירן אַפילו לעניגען — און ליפערן געווער אונדזערע שכנים און יאַסער אַראַפאַט, אויף צו מאָרדן יידישע קינדער אין מעלות, נהריה, שמיר... (י״ש ת״א, 22.8.73)

# אַט דאָס איז געבליבן...

די טעג האָט די פּאָסט מיר געבראַכט אַן אייגנאַרטיקן, נאָר זייער טראַגישן גרוס פון דער יידישער פּוילן: לוח לשנת ה׳תשל״ז — 5737 (1976—1977), אַרויסגעגעבן דורכן ועד הקהילות הקדושות בפולין, וואַרשע, טוואַרדע 6. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אויף פּויליש איז אָנגעגעבן דער אַרויסגעבער.

כ׳בין זיכער, אַז אַזאַ לוח וועט אַרויסרופן אינטערעס ביי יידן פון פּוילן, אַוווּ זיי זאָלן זיך נישט געפינען. דעריבער וועל איך בפרטיות דערציילן סיי וועגן אויסערלעכן אויסזען, סיי וועגן אינהאַלט פון דער איצט איינציקער פּובליקאַציע, וואָס איז מסוגל בלויז צו פאַרשאַפן האַרץ־קלעמעניש, נאָסטאַלגישן טרויער און צומאָל — אַ געביילטע פּויסט קעגן די אַלע וואָס האָבן אין די יאָרן 1939—1945 און דערנאָך פון 1967—1969 ליקווידירט אַ טויזנט־יאָריקן יידישן ישוב.

דער קאַלענדאַר זעט אויס ווי אַ קליינע בראָשור, פאָרמאַט 15 × 10 סאַנטימעטער און פאַרמאָגט בסך־הכל 44 זייטלעך. דעם לוח האָט צונויפגעשטעלט שלום גאָרן, אַ ייד פון לובלין. פון יענער שטאָט איז געשיקט געוואָרן דער בריוו מיט רעקאָמענדירטער פּאָסט, נאָר אין וואַרשע האָט אים דער צענזאָר געעפנט, קאָנטראָלירט און צוריק פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט אויף 2 ערטער און זיי פאַרזען מיט אַ קיילעכיקן, רויטן זיגל: וואַרשע 3 — 354.

אפשר איז איבערגעטריבן צו שילדערן די אויסערלעכע סימנים, — נאָר זיי פירן דיך אַריין, אָפּטיש און פּסיכאָלאָגיש, אינעם לוח גופא, זיין אינהאַלט און באַטייט, וואָס גיט אַ בילד פונעם מ׳שטיינסגעזאָגטן יידישן לעבן אינעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן.

וואָס־זשע אַנטהאַלט דער דאָזיקער לוח?

אויף זייט 3, אין דער פּוילישער שפּראַך: „אַ גליקלעך ניי־יאָר 5737". און אויף עברית: „כתיבה וחתימה טובה לכל עדות בני ישראל בפולין, מאחל ועד הקהילות הקדושות בפולין". אונטן — 2 שורות אין פּויליש: „די סינאַגאָגע אין וואַרשע געפינט זיך אויף טוואַרדע 6".

און ווידער אַ גאַנץ זייטל (4) אין דער פּוילישער שפּראַך, ווו ס׳ווערן אויסגערעכנט די יידישע יום־טובים און תעניתים אינעם קאַלענדאַר־יאָר 77—1976, אָנהייבנדיק פון ראש־השנה (דעם 25 און 26 סעפּטעמבער 1976) ביז תשעה באב (דעם 24סטן יולי 1977).

נאָר די זייט 5 אין דעם לוח איז דער טראָפּן וואַסער וואָס שפּיגלט אָפּ דעם ים, וועלכער האָט אַראָפּגעשווענקט דאָס פּוילישע יידנטום... אין דער פּוילישער שפּראַך — אַ רשימה פון די רעליגיעזע קהילות אין פּוילן, מיט די אַדרעסן און טעלעפאָנען, פאַרזען מיט אַזאַ „קאָפּ": Spis Kongregacji Wyznania Mojżeszowego.

לויט דער דאָזיקער רשימה, עקזיסטירן היינט אין פּוילן ניינצן (19) רעליגיעזע קהילות: אין ביעלסק, ביטאָם, טשענסטאָכאָוו, דזשערזשאָנאָוו, גלייוויץ, קאַטאָוויץ, קראָקע, ליגניץ, לובלין, לאָדזש, סאָסנאָוויץ, שטשעטשין, שווידניץ, טאַרנע, וואַלבזשיך, וואַרשע, וואָרצלאַוו, זאַגאָזשעלעץ און זשאַרי.

אָט דאָס איז פאַרבליבן פון הונדערטער יידישע ישובים אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, מיט זייער ברויזנדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט זייערע קולטור־אויפטוען און פּאַרטייען, זייער יצירה, געראַנגל און אמונה, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן 3,5 מיליאָניקן ישוב.

ערשט די זייטלעך פון 6 ביז 29 דערפילן די אייגנטלעכע אויפגאַבע פון אַ יידישן לוח: די טעג, די פּרשה פון דער וואָך, די צייט פון ליכטבענטשן און פון הבדלה, די ספירה־טעג, ראש־חודש, ווען מ׳זאָגט סליחות, האַלב הלל אאז״וו.

די ווייטערדיקע 4 זייטלעך זענען פאַרזען מיט ברכות און תפילות צום ליכט־בענטשן שבת און יום־טוב, פון עולה זיין צו דער תורה, פון קדיש יתום, קדיש דרבנן, הזכרת נשמות

נאָכן טאַטן און מאַמען, יזכור, אל מלא רחמים נאָך די אומגעקומענע יידישע קהילות אין פוילן און אַ באַזונדערע תפילה לזכר די אומגעקומענע העלדן פון װאַרשעװער געטאָ.

פאַראַן אויך 3 ליידיקע זייטלעך פאַר נאָטיצן — און מיט דעם װאָרט זענען זיי טאַקע באַטיטלט. און פון זייט 37 ביזן לעצטן זייטל, — 44 — דערקלערונגען אין פויליש װעגן דער באַדייטונג פון די יידישע רעליגיעזע יום־טובים, אונדזער א״ב, אין געדרוקטע און געשריבענע אותיות, אויך די געשיכטע פון יידישן אַלפאַבעט.

ידידי ר׳ שלום גאָרן! מיטן צונויפשטעלן דעם קאַלענדאַר, האָסטו געטאָן אַ װיכטיקע (אַ פרומער ייד װעט צוגעבן, און מיט רעכט: אַ הייליקע) אַרבעט. נאָר צוזאַמען מיט אונדז דאָ װייסטו אַוודאי, אַז פונקט װי דו האָסט פאַרענדיקט דיין לוח מיט דער געשיכטע פון יידישן אלף־בית, װאָס האָט אגב אויפגעלעבט און אַנטוויקלט זיך אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה — אַזוי פאַרנעמט מען זיך איצט מיטן שרייבן די געשיכטע פונעם אונטערגעגאַנגענעם שבט פונעם יידישן פאָלק, װאָס האָט זיך גערופן פויליש יידנטום.

פון דעם דאָזיקן שבט זענען איצט פאַרבליבן דאָרטן: ניינצן אַדרעסן און איין לוח...

(י״ש ת״א, 27.10.76)

## װער האָט מיטגעאַרבעט מיט היטלער־דייטשלאַנד?

„אויב דער װערמאַכט איז געלונגען די אָפּענסיװע ביי דיונקערק, איז דאָס צו פאַר־דאַנקען דער הילף פון ראַטן־פאַרבאַנד, װעלכער האָט געליפערט ברענשטאָף פאַר די דייטשע טאַנקן, לעדער פאַר סאָלדאַטישע שיך און תבואה פאַר די שפייכלערס פון דריטן רייך״ — האָט זיך באַרימט אַ דייטשער אָפיציר, נאָך דער עװאַקואַציע פון דער ענגלישער עקספּעדיציע־אַרמיי פון דער פראַנצויזישער טעריטאָריע, ביי דיונקערק, אין יוני 1940. די דאָזיקע באַרימערײ איז מיר געקומען אויפן זכרון, ביים לייענען אין „סאָװעטיש היימלאַנד״ נומ׳ 9, פון סעפּטעמ־בער 1977, די גרויסע אַרבעט פון צען און אַ האַלבע זייטן „דער עמעס װעגן די באַציונגען צװישן די ציעניסטן און נאַציסטן״.

אַ סברה, אַז דער מחבר פון דעם מאמר, פּראָפעסאָר ג. באָנדאַרעװסקי און זיין שעף־רעדאַקטאָר אהרון װערגעליס, האָבן זיך געמאַכט פאַרגעסן דאָס פאָלקסװערטל, אַז „אין אַ שטוב פון אַ געהאַנגענעם טאָר מען נישט ריידן װעגן אויפהענגען דעם ראָק״; װייל װער, װער — נאָר נישט די ראַטנמאַכט און אירע פעדער־קנעכט דאַרפן אַנדערע פאַרװאַרפן חטאים, װעלכע זיי אַליין זענען באַגאַנגען, דורך אונטערהאַלטן פּאָליטיש און עקאָנאָמיש דעם היטלערישן רעזשים ערב דעם אויסברוך פון דער צװייטער װעלט־מלחמה, אין די ערשטע 2 יאָר פון דעם בלוטיקן קריג, װי אויך די שטיצע פאַר מוסאָליניִן אין איטאַליע אין איר מלחמה מיט אַביסיניע; פונקט װי זיי טוען דאָס היינט עקשנותדיק און קאָנסעקװענט, דורך חברן זיך מיט אידי אַמין אין אוגאַנדאַ, קאַדאַפי אין ליביע און מיט אַנדערע דיקטאַטאָרן.

✡

נאָך דעם גרויזאַמען אויסמאָרדן די יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין אויגוסט 1952, און נאָכן אומברענגען דאָרט די יידישע ליטעראַטור, פּרעסע, שולן און טעאַטער, האָט ערשט אין 1961 אָנגעהויבן דערשיינען אין דער יידישער שפּראַך „סאָװעטיש היימלאַנד״, ליטעראַריש־קינסטלערישער חודש־זשורנאַל, אָרגאַן פון שרייבער־פאַרבאַנד פון פסס״ר. אַ סך פון אונדז האָבן געמיינט, אַז דער דאָזיקער באַשיידענער אָנהייב װעט זיין אַ פיינלעכע פאַרגיטיקונג און װייטיקלעכע טרייסט פאַר דער רציחה פון דוד בערגעלסאָן, איציק פעפער, פּרץ מאַרקיש, דער נסתר, לייב קוויטקאָ, דוד האָפשטיין און

אַנדערע, און מעגלעך אויך — ווי תמימותדיקע מענטשן האָבן געטראַכט — אַ תחית־המתים און רעהאַביליטאַציע פאַרן אומגעברענגטן ייִדישן אות אין אַ מדינה, וועמענס ייִדישע מינדערהייט איז אַריבער די דריי מיליאָן. איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן דעם, אַז גלייך פון די ערשטע נומערן, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" זיך באַשעפטיקט מיט אַ וויסטער העצע קעגן דער ייִדישער מדינה און קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג פון ייִדישן פאָלק — דעם ציוניזם, גלייך דאָס וואָלט געווען די עיקרדיקסטע אויפגאַבע פון דעם אָרגאַן. די־אָ העצע האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט נאָך דעם אויסגעוואָקסענעם דראַנג און קאַמף פון סאָוויעטישן ייִדנטום פאַר פרייער עליה קיין ישראל. און גענוי ווי דער פאַרקריפּלטער אויסלייג אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פון די ווערטער מדינת ישראל און ציוניזם (מעדינאַס יסראָעל און ציעניזם) — אַזוי אויך די אומאויפהערלעכע פעלשונג און פאַרקריפּלונג פונעם מהות, געראַנגל, שטרויכלונגען און דערגרייכונגען פון אונדזער לאַנד און איר באַשאַפער — דער ציוניסטישער אידעאַל און באַוועגונג. הײַנט, נאָך זעכצן יאָר עקזיסטענץ פון דעם זשורנאַל, מעג מען אים, צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר, צורעכענען צו די פאַרביסענע און גיפטיקע אַנטי־ישראלדיקע און אַנטי־ייִדישע אויסגאַבן, וואָס דערשײַנען אין געוויסע אַראַבישע מדינות, אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס אין מזרח־אייראָפּע, אין אייניקע לענדער אין לאַטיין־אַמעריקע, ווי אויך אין עטלעכע אייראָפּעישע מדינות, אַרײַנגערעכנט בײדע דײַטשלאַנדס. דער צוקונפטיקער היסטאָריקער און פאָרשער וועט אויסגעפינען אַ סך בשותּפותדיקס אין דער דאָזיקער פּאַטאָלאָגישער שנאה צו ישראל און ציוניזם מצד אַזאַ אויסטערלישן „אינטערנאַציאָנאַל", ווי די טעראָר־באַנדעס פון אַנטי־ישראלדיקע און אַנטיסעמיטישע פּובליקאַציעס אין מזרח און אין מערב, אין צפון און אין דרום, צווישן וועלכע „סאָוועטיש היימלאַנד", הגם געדרוקט מיט ייִדישע אותיות און רעדאַגירט פון ייִדן — פאַרנעמט אַ גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט.

☆

אָט ליגט פאַר מיר דער דערמאָנטער נומער 9, און ווידער — אַ שפּאָגל־נײַע פאַר זיי טעמע, וועלכע איז שוין אַלט אַ קנאַפּע... 45 יאָר: דער טראַנספער־אָפּמאַך צווישן דער ייִדישער אַגענץ און דער היטלער־רעגירונג אין יאָר 1933, מיטן ציל צו ראַטעווען פונעם נאָר וואָס אַנטשטאַנענעם נאַצי־גיהנום וואָס מערער ייִדן און ייִדיש פאַרמעגן און זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל.

בשעתו איז אין דער ייִדישער וועלט אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער ויכּוח וועגן יאָ אָדער נישט אַקצעפּטירן דעם טראַנספער־אָפּמאַך. די קעגנערס האָבן געהאַלטן, אַז דער בלויזער משא־ומתן מיט די נאַציס איז מוקצה מחמת מיאוס און קיין שום ייִד, ווער שמועסט נאָך — אַזאַ נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ ווי די ייִדישע אַגענץ, טאָר זיך אַפילו נישט געפינען אין די ד' אמות פון די ברוינע רוצחים. דאַקעגן די אָנהענגערס פון יענעם אָפּמאַך, וואָס זיי איז אויף אַ רגע נישט אײַנגעפאַלן דער געדאַנק רײַנצווואַשן דעם היטלערישן שרץ, האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז כּדי צו ראַטעווען די לעבנס און קאַפּיטאַלן פון וואָס מערער ייִדן פון דײַטשלאַנד, מוז מען פאַרהאַנדלען מיט אָפיציעלע פאָרשטייערס פון דריטן רײַך, ווײַל נאָר אין זייערע הענט ליגט דער גורל פון די אומגליקלעכע דײַטשע ייִדן.

קיינער איז נישט קעגן דעם, אַז אַ לעגיטימע פּאָלעמיק וועגן אַזאַ אָנגעווייטיקט, נאַציאָנאַל פּראָבלעם, מיט 45 יאָר צוריק, צי אַפילו איצט — האָט באַדאַרפט און מעג געפירט ווערן אומגעשטערט. וויכטיק איז נאָר צו וויסן, ווער הייבט אויף די דאָזיקע פראַגע, וואָס איז מען אויסן מיט אַ באַנײַטער דיסקוסיע איבער אַן ענין, אויף וועלכן ס'איז אין אַ געוויסער מאָס שוין גילטיק דאָס פאַרעלטערונג־געזעץ, און דאָס וויכטיקסטע: צי די וואָס באַרירן די טעמע, זענען אַליין ריין און פרײַ פון וועלכע ס'איז קאָנטאַקטן מיטן היטלעריזם. דער לעצטער מאָמענט איז פון מאָראַלישער און עטישער וויכטיקייט — ווײַל פּונקט ווי אַ

כראָנישער שיכּור האָט נישט קיין מאָראַלישע רעכט צו וואָרענען, אַז מ׳זאָל אויפהערן טרינקען וואָדקאַ, אַזוי אויך דאַרף נישט דער קרעמל און זיינע פּרעסע־אָרגאַנען פּרעדיקן עמעצן מוסר פאַרן חברן זיך מיט דיקטאַטאָרישע, צי פאַשיסטישע רעזשימען. נאָר זוכן ביי ווערגעליסן מאָראַלישע נאָרמעס, איז פּונקט ווי זוכן ביי אַ קאָזאַק יושר... די באַנדאַרעווסקיס און זייערס גלייכן איז דאָס אַרויסברענגען איצט די טעמע פון טראַנספער, נישט מער ווי נאָך אַ „שאַנס״ אויפצווויזן מיט אותות און מופתים, אַז ציוניזם און היטלעריזם זענען ממש אַ זיווג מן השמים; אַז די צוויי שטרעמונגען האָבן זיך תמיד געהאַט גערן, אפילו קאָאָפּערירט און געשלאָסן טראַנזאַקציעס.

☆

זיין פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פאַרזעט באַנדערעווסקי (ז׳ 149) מיט אַן אַריינפיר פון די ערשטע 10 שורות, אין וועלכע ער לייגט אַריין זיין גאַנצע תורה און תוכחה:

„אין אַ סך לענדער פון אייראָפּע, אפילו אין ישראל, האָבן אַ לענגערע צייט זיך געדרוקט אַרטיקלען, אינפאָרמאַציע־מיטיילונגען און פּובליקאַציעס פון דאָקו־מענטן, אין וועלכע ס׳איז דערוויזן געוואָרן, אַז באַלד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, ד. ה. פון יאַנואַר 1933, זענען צווישן די ציוניסטן און די נאַציסטישע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע ראַנגען, איינגעשטעלט געוואָרן ערנסטע און פעסטע קאָנטאַקטן״...

אַזוי ווי דער מחבר פון דאָזיקן פאַשקוויל איז אַ פּראָפעסאָר און זיין חיבור רעפלעקטירט צו זיין וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, ציטירט ער אַ ריי דאָקומענטן און אויטאָרן. און ווער, מיינט איר, זענען זיינע יאָר־עדות? אדרבה, באַקענט זיך מיט זיי און איר וועט פאַרשטיין ווי ווייט אָביעקטיוו, ערלעך און אויפריכטיק מען איז מיט די אָפּשאַצונגען:

1) דער אינפאָרמאַציע־ביולעטין נומער 3—4, ז׳ 196, פון דער ישראלדיקער קאָמוניסטי־שער פאַרטיי;

2) דער מאַסן־זשורנאַל „האָריזאָנט״ וואָס דערשיינט אין מזרח־דייטשלאַנד;

3) אַן אַרטיקל פון קלאַוס פאַלקען (פון מזרח־דייטשלאַנד) אין דעם ביירוטער זשורנאַל „פאַלעסטינער פאָרשונגען״ נומ׳ 19/20 פון יאָר 1976;

4) דאָס בוך „די געהיימע מלחמה אויפן נאָענטן און מיטלען מזרח״ פון סאָוויעטישן היסטאָריקער פ. רומיאַנצעוו — און ענלעכע מקורות.

אויפן סמך פון אַזעלכע „באַגלויבטע״ קוועלן, ווי די דערמאָנטע שונאי־ציון, האָט באַנדאַרעווסקי אַ פאַרטיקע טעזע וועגן דער כלומרשטער פריינדשאַפט און אידעאָלאָגישער נאָענטקייט צווישן האַקנקרייץ און דעם מגן־דוד.

☆

„אין 1933 האָבן אין בערלין, אין געהיימניס, זיך אָנגעהויבן פירן אונטער־האַנדלונגען צווישן דער אָנפירונג פון דייטשישן ציוניסטישן פאַרבאַנד און דעם פאַשיסטישן מיניסטעריום פון עקאָנאָמיק וועגן אַריבערפירן פון דייטשלאַנד קיין פאַלעסטינע אַ טייל פונעם פאַרמעגן פון יענע רייכע דייטשישע ייִדן, וועלכע זענען מסכים אַריבערצופאָרן קיין פאַלעסטינע. פרילינג 1933 זענען קיין בערלין אַראָפּגעקומען דער לייטער פונעם פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער יידישער אַגענץ, אַרלאָזאָראָוו און דער דירעקטאָר פון דער ענגליש־פאַלעסטינער באַנק... ס׳איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ פאַרשטענדיקונג, וועלכע איז באַוווסט אונטערן נאָמען ׳האַאַוואַראַ׳ (אין העברעיש — אַ טייך־אַריבערגאַנג)״.

אַזוי שרייבט דער פּראָפעסאָר, נישט כדי פעסטצושטעלן אַ היסטאָריש ריכטיקן פאַקט, נאָר צו פאַרקריפּלען דעם עצם מהות פונעם טראַנספער־אָפּמאַך. אים אינטערעסירט נישט — און ער וואַרפט זי קאַטעגאָריש אָפּ — די מאָטיוואַציע פון דער „האַוואַרא״: ראַטעווען יידן פון די נאַצישע נעגל.

ווי באַוווּסט, שפּילן נישט קיין צו גרויסע ראָל מענטשלעכע לעבנס אין באַנדאַרעווסקיס מדינה. מיט קאַרגע 40 יאָר צוריק, נאָכן טרויעריק־באַרימטן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך, האָט אויך די סאָוויעטישע רעגירונג געמאַכט אַ טראַנספער־אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד — נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. הונדערטער דייטשע קאָמוניסטן, וואָס האָבן אַמאָל געפונען אַזיל אין ראַטן־פאַרבאַנד — זענען אויסגעליפערט געוואָרן דער געסטאַפּאָ. (אויך דער שענדלעכער אַקט איז געווען איינער פון די „געפעליקייטן״, וועלכע סטאַלין האָט געטאָן היטלערן). וועגן דעם האָט נאָך קיין איין סאָוועטישער זשורנאַליסט צי היסטאָריקער נישט אָנגעשריבן קיין איין וואָרט. דאַקעגן איז געווען אַ פאַרברעכן צו ברענגען קיין ארץ־ישראל, פון יענער רוצחישער מדינה, וואָס מערער ברידער און שוועסטער, וועמען ס׳האָט ממש געדראָט פיזישער אונטערגאַנג. און ווער האָט באַדאַרפט אויף זיך נעמען די זאָרג און אחריות אַדורכצופירן די אויפגאַבע, אויב נישט די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, די רעגירונג פון דער מדינה אונטערוועגנס?

ס׳איז דאָך אַ פאַקט, אַז די יידן וואָס זענען ניצול געוואָרן אַ דאַנק דעם טראַנספער־הסכם, זענען בשלום אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, דאָ זיך אויפגעבויט זייערע היימען און געפונען דעם אמתן מקלט. דאַקעגן טויזנטער פּאָליטיש־פאַרפאָלגטע רעוואָלוציאָנערן, אַרבעטער־טוער, קאָמוניסטן פון דער גאַנצער וועלט, האָבן אין דער סאָוויעטישער מלוכה זיך אָנגעטראָפן אויף קאַטאָרגע, תפיסה, פּייניקונגען און טויט. וועט איר, ווערגעליס און באַנדאַרעווסקי, וואָגן אַמאָל צו שרייבן וועגן דעם?

כ׳האָב ערגעץ־ווו געלייענט, אַז אין יאָר 1933 (אין דעם „טראַנספער־יאָר״), האָט אַ קאָלאָנעל פון דער נ.ק.וו.ד. געזאָגט צו אַן אַלטן באָלשעוויק, וואָס האָט ריזיקירט עדות צו זאָגן לטובת אַן אַרעסטירטן חבר זיינעם אין דער תקופה פון די רייניקונגען און צעשיסונגען: „לאָמיר ריידן אויפריכטיק: די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אין געפאַר. אויב פון הונדערט מענטשן וועלכע מיר אַרעסטירן, ווייזט זיך נאָר איינער אַרויס ווי אַ שונא — באַרעכטיקט דאָס דעם אַרעסט פון אַלע אַנדערע. דאָס אויפהאַלטן די רעוואָלוציע איז ווערט דעם פּרייז״...

פרעגן מיר: צי אויפהאַלטן די יידישע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע, וועמענס טרעגער ס׳איז געווען און איז ביזן היינטיקן טאָג דער ציוניזם, איז נישט ווערט געווען דעם פּרייז פון טראַנספער־אָפּמאַך, וואָס האָט געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט הונדערטער יידן פון דייטשלאַנד?

✡

פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד״, זיין שעף־רעדאַקטאָר און די מיטאַרבעטער דאָרט, וועט אונדזער ענטפער אויף דער פראַגע „ווער האָט מיטגעאַרבעט מיט היטלער־דייטשלאַנד?״ נישט זיין קיין פולער, אויב נישט ברענגען ביי דער געלעגנהייט אַן אויסצוג פון וויאַטשעסלאַוו מאָלאָטאָווס אַ רעדע אין העכסטן סאָוועט אין מאָסקווע, דעם 30סטן אָקטאָבער 1939 (זעקס יאָר נאָכן טראַנספער־אָפּמאַך און... צוויי חדשים נאָך היטלערס איבערפאַל אויף פּוילן):

„די אידעאָלאָגיע פון היטלעריזם, ווי יעדער אַנדערער אידעאָלאָגישער סיסטעם, קאָן ווערן אָנערקענט אָדער אָפּגעוואָרפן. ס׳איז אַ פראַגע פון פּאָליטישער איינשטעלונג... דעריבער איז זינלאָז, אפילו פאַרברעכעריש צו פירן אַזאַ סאָרט מלחמה

אויף צו פאַרניכטן דעם היטלעריזם, אונטער דער פאַלשער פאָן פון דעמאָקראַטיע...
מיר זענען תמיד ביי דער מיינונג, אַז אַ שטאַרקע דייטשלאַנד איז אַ נייטיקער באַדינג פאַר אַ דויערהאַפטן שלום אין אייראָפּע"...

מיט וויפל קרבנות עס האָט באַצאָלט דער ראַטן־פאַרבאַנד, דאָס יידישע פאָלק, די גאַנצע וועלט, פאַר דער סטאַלין־מאָלאָטאָוו „קאָנצעפּציע" וועגן מהות פון היטלעריזם — איז אונדזער דור גוט באַקאַנט. אָבער נישט אַלע האָבן דערפון אַרויסגעצויגן די ריכטיקע מסקנה — אפילו אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא.

באָנדאַרעווסקיס לאַנגער מאמר איז אין גאַנצן געבויט אויף דערמאָנונגען. אויף ז' 151 לייענען מיר: „לאָמיר דערמאָנען, אַז באַלד נאָך דעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט יאָאַכים פרינץ, דעמאָלט אַ ציוניסטישער מנהיג אין בערלין, דערקלערט: 'דער 30סטער יאַנואַר 1933, אין דער אָנהייב פונעם אומקערן זיך פון די יידן אין שויס פון יודאיזם.'" נאַטירלעך, אַז די דערמאָנטע ציטאַטע איז פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד" נאָך אַן אַרגומענט צו באַווייזן, אויף ווי ווייט דער ציוניזם האָט געבויט, אָדער זיך אָריענטירט, אויפן היטלעריזם. אַזאַ איז טאַקע די מסקנה פון דעם פּראָפעסאָר, וואָס באַלאַנגט אפשר אויך צו אחינו בני ישראל.

ווילט זיך פרעגן באָנדאַרעווסקין, ווערגעליסן עט קאָמפּ. אָן אַ שמץ פון איראָניע, בייזווילקייט צי כעס:

וויפל אַנטוישונגען, אויפטרייסלונגען, צוואַנציקסטע קאָנגרעסן און ביטערניש דאַרפט איר נאָך דורכמאַכן, כדי צו דערגיין צום „אָנהייב פונעם אומקערן זיך... אין שויס פון יודאַזים ? !"

(פא"צ י—ם, פעברואַר־מערץ 1978 ; י"ש ת"א, 1.3.78)

# אויף ציוניסטישע
# און פּאַרטייאישע טעמעס

# נאָכן 22סטן ציוניסטישן קאָנגרעס

דער 22סטער ציוניסטישער קאָנגרעס, פאָרגעקומען אין באַזעל אין דעצעמבער 1946, האָט זיך אויסגעצייכנט מיטן אָננעמען די היסטאָרישע באַשלוסן: נישט גיין קיין לאָנדאָן און וויצמאַן — אויס פּרעזידענט.

„לאָנדאָן" איז געוואָרן אַ פּאָליטישער סינאָנים. לאָנדאָן — הייסט פּשרה, הייסט לעבן מיט אַ צוזאָג און ווערן אָפּגענאַרט. יאָרן־לאַנג איז די ציוניסטישע באַוועגונג געווען איינגעשטעלט אויף אַבסאָלוטער לאָיאַליטעט און הכנעה לגבי דער בריטישער אימפּעריע. אַפילו איצט, ווען ענגלאַנד האָט אַזוי ברוטאַל און ציניש צעריסן איר אייגענע שאַפונג — די באַלפור־דעקלאַראַציע, און מיט אַלע מיטלען: פּאָליטישע,ווירטשאַפטלעכע, מיליטערישע, באַמיט זי זיך צו צעשטערן דעם ישוב, — האָבן אַפילו אין אָט דער צייט זיך געפונען ערנסטע און פאַראַנט־וואָרטלעכע ציוניסטישע פירער, וואָס האָבן פון דער קאָנגרעס־טריבונע גערופן אויך אויף ווייטער צוזאַמענצואַרבעטן מיט דער מלוכה פון גרויסן פאַראַט און אָננעמען די איינלאַדונג צו דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ.

די דאָזיקע מנהיגים האָבן געוווסט, אַז גיין קיין לאָנדאָן צו דער קאָנפערענץ, מיינט אייגנטלעך, אָננעמען דעם מאָריסאָן־גריידי־פּלאַן וועגן אַ צעטיילט ארץ־ישראל, ווו סך־הכל 15 פּראָצענט פונעם איצטיקן פּאַלעסטינע־שטח זאָל זיך געפינען אין יידישן באַזיץ. די דאָזיקע „פראַגמענטאַרע מדינה", דערלאַנגט דורך אַ מאָדיפיצירטן „ווייסבוך", דאַרף עס באַרויקן די געמיטער אויף אַ געוויסער צייט, כדי ענגלאַנד זאָל זיך קאָנען צוגרייטן צו נייע, אַנטי־יידישע גזירות.

די קאָנגרעס־מערהייט האָט זיך אָבער קעגנגעשטעלט די דאָזיקע טענדענצן, ווייל אין דעם חלוקה־פּלאַן האָט זי נישט געזען קיין שום יסוד אויף אונטערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד. און ווידער קומען מיטן פּלאַן פון חלוקה, וועלכן ס'האָט פאָרגעלייגט ד"ר נ. גאָלדמאַן, הייסט — ליקווידירן די היסטאָרישע פּערספּעקטיוון פון ציוניזם.

דער לאַנג־יאָריקער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פּראָפ' חיים וויצמאַן, האָט אויך אויף דעם קאָנגרעס געפּרווווט אָנהאַלטן די ליניע פון צוזאַמענאַרבעט מיט ענגלאַנד. ער איז געגאַנגען שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן אַקטיוויזם און גערופן אָנצונעמען די בריטישע פאָרשלאַגן. די מערהייט פון קאָנגרעס האָט אָבער פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון דער צייט און די אחריות פון יעדן פּאָליטישן באַשלוס, און דערפאַר זיך אַרויסגעזאָגט קעגן גיין קיין לאָנדאָן. און אין דער ווייטערדיקער קאָנסעקווענץ — אַראָפּזעצן דעם לאַנג־יאָריקן פּרע־זידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וואָס האָט נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון זיין אַלטער אָריענטאַציע.

✡

די ארץ־ישראלדיקע ווירטשאַפט, וועלכע אַנטוויקלט זיך, נישט געקוקט אויף אַלע שטע־רונגען; די עליה דורך אַלע וועגן; דער אַקטיוועזר, אַנטי־ענגלישער קאַמף — זענען די הויפּט־כוחות, וואָס האָבן דעצידירט וועגן דער פעסטער שטעלונג פון דער קאָנגרעס־מערהייט איבערצורייסן מיט גרויס־בריטאַניע.

עקאָנאָמיש — האָט דער ישוב דורכגעמאַכט אַן אַנטוויקלונג באַרג־אַרויף. די לאַנד־ווירטשאַפט און אינדוסטריע, די קאָלאָניזאַציע און באַוואַסערונג, דאָס אויפבויען נייע שטעט און דערפער, האָבן באַוויזן די לעבנס־פעיקייט און אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן פונעם ארץ־ישראלדיקן ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם. די עליה אין איר איצטיקער פאָרם און דער אַקטיוועזר

אַנטי־אימפּעריאַליסטישער קאַמף האָט באַוויזן דער וועלט, און אין דער ערשטער ריי ענגלאַנד, אַז ביים יידישן פאָלק איז פאַראַן אַ ציל־באַוווסטע, אַנטשלאָסענע טענדענץ צו פרייהייט און זעלבשטענדיקייט, אַ שטאַרק אַנטוויקלט געפיל פאַר היימלאַנד; אַז די יוגנט איז איבער־גענומען מיטן גייסט פון קאַמף קעגן די, וואָס ווילן ביי אונדז אַוועקרויבן די עלעמענטאַרע רעכט פון אַ פאָלק מיט אייגענער, נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט.

דער קאָנגרעס האָט דעריבער שטאַרק אונטערגעשטראָכן, אַז עליה דורך אַלע וועגן איז דער פּאָליטישער אינסטרומענט צו פאַרווירקלעכן דעם יידישן מלוכהשן געדאַנק.

די רעקאָמענדירטע דורך דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע 100.000 סערטיפיקאַטן וועט מען געבן ערשט נאָכן אַריינבאַקומען זיך פון 100.000 יידן קיין ארץ־ישראל, פונקט אַזוי, ווי די 1.500 סערטיפיקאַטן אַ חודש באַקומט מען פאַר די, וועלכע ווינען שוין אין לאַנד. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די שטעלונג פון ישוב איז אַ דעצידירטע. אויב שיפן מיט עולים וועלן ווערן צוריקגעשיקט אָדער פאַרהאַלטן, וועט קיין רו אין לאַנד נישט זיין. און אויף בעווינס דערקלערונג, אַז כדי אַדורכצופירן און לעבן די רעקאָמענדאַציעס פון דער אַנגלאָ־אַמערי־קאַנער קאָמיסיע, איז נויטיק צו שיקן נאָך צוויי דיוויזיעס קיין ארץ־ישראל, איז דער ענטפער פון ישוב, אַז ביים באַגרענעצן די עליה וועט בעווין מוזן שיקן 4 דיוויזיעס.

✡

דעם העלדישן קאַמף מיט ענגלאַנד, וועלכן עס פירט די הגנה — אַ קאַמף, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע, טאָר מען בשום אופן נישט אידענטיפיצירן מיט די בלוטיקע טעראָר־אַקטן פון אצ״ל און לח״י. דער פּאָליטישער אַוואַנטוריזם, באַפּאַרבט מיט פאַשיסטישע חלומות, איז קודם־כל אַ דורכברוך אינעם איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן קאַמפּס־פראָנט פון ישוב. די היינטיקע „העלדן" וואָס שמייסן אָפּ אַן ענגלישן אָפיציר, אָדער פאַר־כאַפּן אַן ענגלישן ריכטער, — קאָנען מאָרגן פונקט אַזוי האַנדלען לגבי יידישע אַרבעטער־טוער און פּראָגרעסיווע עלעמענטן. ריכטיק האָט אויפן קאָנגרעס געזאָגט איינער פון די דעלעגאַטן: די בויער פון דער יידישער צוקונפט זענען נישט די, וועלכע פלאַנירן מאָרד אין די טונקעלע ווינקלען, נאָר די, וואָס שטעלן אויף נייע פונקטן אין נגב.

ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז גראָד אין ענגלאַנדס אינטערעס ליגט די אַקטיווקייט פון די אצ״ל און „שטערן" גרופּעס. אונטערן פּרעטעקסט פון איינפירן רו און אָרדענונג, וואַקסט די צאָל פון ענגלישן מיליטער אין לאַנד. די פאַרשטאַרקונג פון רעוויזיאָניסטישן טעראָר, שטאַרקט פילפאַכיק דעם ענגלישן טעראָר, וועלכער נעמט אַרום דעם ישוב מיט אַ קייט פון דראַקאָנישע פאַראָרדענונגען און באַגרענעצונגען, כדי אָפּצושרעקן די וואָס ווילן קומען קיין ארץ־ישראל. דער טעראָריזם איז פאַראורטיילט געוואָרן דורכן גאַנצן קאָנגרעס.

✡

אין אַ גאַנצער ריי עיקר־פּראָבלעמען פון ציוניסטישער פּאָליטיק, איז דער אַרבעטער־לאַגער אויפן קאָנגרעס נישט אַרויסגעטרעטן איינהייטלעך, וואָס איז שטאַרק צום באַדויערן. דער אַלטער אויסגעטראָטענער וועג פון רעפאָרמיזם, צוזאַמען מיט די אַנטפּלעקונגען פון השומר־הצעיר, האָבן פאַרויס אוממעגלעך געמאַכט די צוזאַמענאַרבעט פון פּראָלעטאַריש־ציוניסטישן לאַגער און דאָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אויפן צוזאַמענשטעל פון דער נייער עקזעקוטיווע (פון מפא״י, מזרחי און אַלג. ציוניסטן).

אויפן קאָנגרעס זענען געפאַלן היסטאָרישע באַשלוסן. צי איז די נייע עקזעקוטיווע אַ גאַראַנטיע, אַז די באַשלוסן וועלן נישט רעאַליזירט ווערן, אָדער וועט מען ווידער אָנהייבן קלויבן ברעקלעך פונעם ענגלישן טיש? דער פּאָליטישער קאַפּיטאַל פון קאָנגרעס קאָן דורך

דער עקזעקוטיווע צעטרענצלט ווערן. מוז דעריבער די יידישע עפנטלעכקייט שטיין אויף דער וואך און אָפּהיטן, אַז פון לאָנדאָן זאָלן נישט קומען קיין נייע אַנטי־יידישע גזירות.

מיר געפינען זיך אין אַ תקופה פון גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק. דער חורבן וועלכער האָט איבערגעלאָזט צו לייזן אַזויפיל פּראָבלעמען, דער־לויבט נישט מער קיין וואַקלדיקע האַנדלונג. פאַר אונדז שטייט, אין דער גאַנצער שאַרפקייט דאָס פּראָבלעם פון פּליטים און זייער איינאָרדענונג; באַפרייען זיך פון דער דורותדיקער גלות־קללה; זיכערקייט פאַרן קיום פון פאָלק אין ארץ־ישראל און אומעטום; ראַטעווען פון דעפּיטיזם די שארית־הפליטה, און — אויך לייזן די ארץ־ישראלדיקע פּראָבלעמען גופא.

(א״צ לאָדוש, פעברואַר 1947).

# יוגנט־קאָלעקטיוון *

די זעקס קאַטאַסטראָפאַלע יאָרן האָבן ביי אונדזער יוגנט צוגערויבט די מעגלעכקייט פון בילדונג און דערווערבן אַ פאַך. דאָרט, ווו עס האָט אומאויפהערלעך געלויערט דער טויט, האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון לערנען. דאָך איז דער ווייט גרעסטער טייל פון דער יידישער יוגנט איינגעשטעלט צו גיין אויף דעם וועג פון פּראָדוקטיוויזאַציע, פון באַשעפטיקונג, לערנען, פון ווערן נוצלעכע מענטשן אין דער געזעלשאַפט.

די שרעקלעכע פאָלקס־טראַגעדיע האָט אַרויסגערוקט ארץ־ישראל אין צענטער פון אינ־טערעס און אויפמערקזאַמקייט ביי די לעבן־געבליבענע יידן, באַזונדערס ביי דער יוגנט וואָס איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות פאַר דעם נאַציאָנאַל־באַפרייערישן געדאַנק פון יידישן פאָלק, פאַר דער רעאַליזירונג פון אַ יידישער רעפּובליק אין ארץ־ישראל.

כדי צו געבן אַ ריכטיקע ווענדונג די שטרעמונגען פון דער יידישער יוגנט, זענען מיר צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן יוגנט־קאָלעקטיוון אין אַלע גרעסערע ערטער.

די קאָלעקטיוון וועלן זיך באַזירן אויף פאָלגנדיקע יסודות:

א. אַרבעט. דער יוגנטלעכער פון קאָלעקטיוו וועט דאַרפן אַרבעטן אין פאַרשידענע מלוכהשע און קאָמונאַלע אונטערנעמונגען, אין קאָאָפּעראַטיוון און וואַרשטאַטן. די אָנפירונג פון קאָלעקטיוו וועט דאַרפן זאָרגן, אַז פאַר יוגנטלעכע, וועלכע האָבן נישט קיין פאַך, זאָלן געשאַפן ווערן אייגענע אַרבעט־פּלאַצוווקעס. אין קאָלעקטיוו מוז גילטן דער אַלטער כלל: אַרבעט איז דער יסוד פון לעבן.

ב. בילדונג. אין אונדזערע רייען טאָרן זיך נישט געפינען קיין גאַנצע אָדער האַלבע אַנאַלפאַבעטן. די יוגנט מוז באַקומען עלעמענטאַרע בילדונג און לערנען שפּראַכן: יידיש, פּויליש, העברעיש, ענגליש, די געשיכטע פון יידישן פאָלק, יידישע ליטעראַטור. אונדזער קולטור־ירושה מוז ווערן נאָענט און אייגן דעם יוגנטלעכן. אַלץ איינס צי די דאָזיקע לימודים וועלן אַדורכפירן קוואַליפיצירטע פּעדאַגאָגישע קרעפטן, אָדער דאָס וועט געשען אין דעם פאָרם פון זעלבסט־בילדונג, מוזן די קאָלעקטיוון פאַרוואַנדלט ווערן אין קוזניעס פון וויסן.

ג. אידעאָלאָגישע דערציונג. די סאָציאַליסטישע וועלט־אַנשויונג, דער באַוווסטזיין פון דער גורל־פאַרבינדונג צווישן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק מיט דעם פאַרקיסמאַרש פון דער

* געמיינט: קיבוצים, נאָר אין יענע צייטן און באַדינגונגען, האָט מען נאָך נישט געוואָגט „אַנצורופן דאָס קינד ביים פולן נאָמען״.

קעמפנדיקער וועלט־דעמאָקראַטיע און פּראָלעטאַרישע כוחות. די אידעע פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג פון יידישן פאָלק, די שטרעבונג צו אַ יידישער סאָציאַליסטישער מלוכה אין א״י. דער באַראָכאָוויזם דאַרף ווערן דער אני־מאמין פון אונדזער יוגנט. אַפּטע שמועסן, לעקציעס, רעפעראַטן איבער אַלגעמיינע און פּועלי־ציוניסטישע טעמעס, דאַרפן שמידן דעם באַוווסטזיין און דערציען די יוגנט אַלס שטאָלצע און מוטיקע קעמפער פון יידישן פאָלק.

ד. אָרדענונג און דיסציפּלין. אין די יוגנט־קאָלעקטיוון מוז הערשן אינערלעכע אָרדענונג און דיסציפּלין, ווייל נאָר אַ דיסציפּלינירטע יוגנט איז אַ גאַראַנטיע, אַז די אָנגעצייכנטע פאַר זיי אויפגאַבן וועלן רעאַליזירט ווערן.

די 40 יאָריקע געשיכטע פון פּועלי־ציון איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דער „יוגנט״־באַוועגונג. די פּאַרטיי האָט שטענדיק געשאָנקען פיל אויפמערק־זאַמקייט דער דערציונג פון יונגן דור. מיר קאָנען שטאָלץ זיין מיט די מיטגלידער פון אונדזערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אין די געטאָס, פאַרטיזאַנער־גרופּן, לאַגערן, געוועקט דעם גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן, אין אַ ליכטיקער צוקונפט.

זאָלן פון אונדזערע יוגנט־קאָלעקטיוון אויסוואַקסן נוצלעכע זין און טעכטער פאַר די היסטאָרישע אויפגאַבן פון יידישן פאָלק. (א״צ לאָדזש, 1.12.1945).

## צוויי בריוו צום חבר מולֿיע

וואַרשע, דעם 21.3 1948 י.

טייערער חבר מולֿע!*

זייער לאַנג נישט געשריבן צו אייך, הגם פאַר דער צייט באַקומען אייערע בריוו, ווי אויך פיל צירקולאַרן און ביולעטינען פונעם פאַרבאַנדס־ביוראָ. עס האָט זיך געפאָדערט אַן ענטפער אויף אַ סך, דורך אייך באַרירטע פראַגן. נאָך מערער זענען געווען ענינים היימישע, אייגענע, וועגן וועלכע איר האָט געמעגט און באַדאַרפט וויסן. מיין פאַרנומענקייט האָט גורם געווען אַזאַ לאַנגן שווייגן. ווייל איך דערפאַר מיטן איצטיקן בריוו „אָפּאַרבעטן״ די פאַרנאַכלעסיקונג און שרייבן וועגן אַלעמען, הגם כ׳גיב זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז ביי דער איצטיקער געשפאַנטער לאַגע אין ארץ־ישראל, איז נישט דער קאָפּ צו לייענען לאַנגע בריוו. און אפשר וועט אייך דער בריוו אָפּרייסן אויף אַ ווייל פון דעם וואָס ס׳קומט פאַר אין לאַנד, כדי איר זאָלט מיטלעבן און אַדורכמאַכן „פּוילישע״ ענינים, וואָס זענען אייך אַזוי נאָענט און אייגן, הגם איר געפינט זיך (געאָגראַפיש) ווייט פון זיי.

פון סאַמע אָנהייב פון דעם בריוו וויל איך אַז די חברים אין א״י זאָלן וויסן, אַז דער יידישער ישוב אין פּוילן, לעבט מיט אייער קאַמף. די אַקציע פאַר דער „הגנה״ איז איבערגע־שטיגן אַלע אָפּטימיסטישע אויסרעכענונגען. מיר האָבן געמיינט, אַז אויב די געלט־זאַמלונג פאַרן דענקמאָל אין וואַרשעווער געטאָ האָט געגעבן 15 מיליאָן זל., וועט די איצטיקע „הגנה־אַקציע״ געבן נאָכאַמאָל אַזוי פיל. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די געזאַמלטע סומע פאַרן קעמפנדיקן ישוב אין א״י, וועט דערגרייכן ביז 80—90 מיליאָן זל. דער ווילן צו העלפן אייך, קומט צום אויסדרוק נישט נאָר אין געבן געלט, צירונג און אַקטיווע באַטייליקונג אין דער אַקציע. זייער אַ סך ווילן ממשותדיק העלפן. וואָלטן נאָר געווען מעגלעכקייטן — און טויזנטער אויסגעשולטע אָפּיצירן און זעלנער, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט דעם שלאַכט־וועג סטאַלינגראַד־בערלין, וואָלטן געקומען צו אייך.

---

* סעקרעטאַר פון דער וועלט־באַוועגונג פון לינקע פּועלי־ציון.

רפאל מאַהלער האָט דאַ אַדורכגעפירט אַ וויכטיקע אַרבעט. אים איז געלונגען, אַ דאַנק פערזענלעכע פאַרבינדונגען, צו טרעפן זיך מיט אַ ריי וויכטיקע מלוכה־מענער. די פּאַרטיי, באַזונדערס בערמאַן, האָבן אים נישט זייער געהאָלפן אַדורכפירן די אויסערלעכע אַרבעטן. רפאל האָט דערפאַר אַ ביסל פאַרדרוס, אָבער מיר האָבן נישט קיין עצה אויף דעם. ער האָט געהאַט עפנטלעכע פאַרלעזונגען אין די גרעסערע שטעט. אויך ברוך לעלאַנעק האָט זיין אַרבעט אויסגעפירט בשלימות. אַ טייל אונדזערע חברים האַלטן אָבער, אַז אויף להבא וואָלט איר באַדאַרפט פריער ביי אונדז זיך אָנפרעגן, צי ס'איז כדאי, נויטיק און צוועקמעסיק שיקן שליחים פון פאַרבאַנדס־ביוראָ פון לינקע פועלי־ציון צו דער פאַרייניקטער פועלי־ציון אין פוילן. ביי דעם צווייטן צד (דעם צ. ס.־ישן) רופן אַזעלכע באַזוכן אַרויס פאַרדרוס, אַפילו בייז בלוט און זענען עלול נאָך מער צו פאַרשאַרפן די באַציונגען צווישן ביידע צדדים. אויב זרבבל וועט צום 19 אַפּריל קומען קיין פוילן, וועט ער האָבן אַ מעגלעכקייט אויפן אָרט צו באַקענען זיך מיט דער לאַגע.

פון לאַנג זיך געקליבן אייך שרייבן געוויסע פאָרשלאָגן וועגן אַן אַרבעטס־פּראָגראַם פונעם פאַרבאַנדס־ביוראָ פאַר דער גאַנצער וועלט־באַוועגונג. מיין באַשיידענע מיינונג: אַן אַלוועלטלעכע אינסטאַנץ פון אונדזער באַוועגונג, דאַרף אויך אינזינען האָבן די אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט פון יעדער לאַנד־פאַרטיי, אינסטרואירן, קאָנטראָלירן, באַזוכן און אָנרעגן צו אַרבעט. יעדער פון אונדז שטעלט זיך די פראַגע: וואָס וועט זיין מיט דער אַמעריקאַנער פאַרטיי? 5 מיליאָן יידן אין אַמעריקע און מיר זענען דאָרט איין גרויסער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער זעראָ. פאַר וואָס זאָל דער פּ. ב. נישט ערנסט זיך פאַרטראַכטן וועגן דער אַמעריקאַנער פאַרטיי? אויך אין פראַנקרייך איז נישט פויגלדיק. אין איין פאַריז — 2 מאָל אַזוי פיל יידן וויפל אין גאַנץ פוילן. די פאַריזער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע וועט זיך אָבער נישט קענען פאַרגלייכן צו דער שוואַכסטער אָרגאַניזאַציע פון אַ גרעסערן יידישן ישוב אין היינטיקן פוילן. פון ברוך'ן ווייס איך וועגן דעם מאַנגל אין אָנפירדיקע כוחות אין די די.פּי.־לאַגערן. פאַרגעסט נישט, אַז ס'איז נאָך פאַראַן רומעניע, בולגאַריע, שוועדן, שווייץ, בעלגיע, ווו דער פּ. ב. און זיינע שליחים וואָלטן געהאַט אַ סך צו טאָן. פאַר וואָס איז נאָך ביז איצט נישטאָ קיין טעאָרע־טישער זשורנאַל פאַר דער וועלט־באַוועגונג? די לאַנד־פאַרטייען פילן נישט קיין אחריות פאַרן פּ. ב. ווי זייער העכסטע אינסטאַנץ. וועט די פאַרייניקונג אין וועלט־מאַסשטאַב אויס־געפינען אַ ריכטיקן רעצעפּט?

און איצט וועגן פּוילישע ענייִנים:

4½ חודש זענען פאַריבער זייט דער פאַרייניקונג פון ביידע פועלי־ציון פאַרטייען. כ'האָב געמיינט, אַז די פאַרייניקטע פאַרטיי וועט אויסוואַקסן צו דעם שטאַרקסטן כוח אויף דער יידישער גאַס אין פוילן און וועט שפּילן די ערשטע פידל, הגם מיר זענען נישט קיין יידישער פיליאַל פון אַ רעגירונגס־פאַרטיי. תיכף נאָך דער פאַרייניקונג, און אויך איצט, ווערן צעטרעגצלט אַ סך מעגלעכקייטן און שאַנסן פאַרן וווקס פון דער באַוועגונג. ס'איז שווער אין אַ בריוו אַלץ אויסצורעכענען, כ'וויל אָבער אונטערשטרייכן עטלעכע נעגאַטיווע מאָמענטן, וועלכע זענען, לויט מיין מיינונג, גורם צו דער איצטיקער לאַגע:

א) אַ קנאַפּע פאַראינטערעסירונג פונעם גרעסטן טייל צ"ק־מיטגלידער מיט די לויפנדע טאָג־טעגלעכע אַרבעטן פון דער פאַרטיי; ב) עס פעלט אַ באַשטימטע פּאָליטישע, אויסקריס־טאַליזירטע ליניע בנוגע אונדזער טאַקטיק אין די יידישע קאָמיטעטן; ג) אין די צענטראַלע אינסטאַנצן פון אַזעלכע וויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי די ווירטשאַפט־צענטראַלע „סאָלידאַר־נאָשטש", פּאַלעסטינע־אַמט און „אָרט" — האָט נישט די פאַרטיי קיין פאַרשטייער; ד) די פאַרטיי פירט נישט קיין ריכטיקע פינאַנס־פּאָליטיק (די אויסגאַבן זענען פיל גרעסער ווי די איינקונפטן); ה) אַן אויפגעבלאָזענער אַפּאַראַט פון געצאָלטע פונקציאָנערן אינעם צ"ק

און אויף די ערטער; ו) עס פעלט אַ צענטראַלע פּאַרטיי־שול, ווו ס'זאָלן אויסגעבילדעט ווערן ערנסטע טוער. ז) נישטאָ די לייטנדע, סטימולירנדע און אויטאָריטעטע אינסטאַנץ, וואָס זאָל אָנרעגן, באַשטימען און אָנפירן מיט דער גאַנצער פּאַרטייאישער אַרבעט.

איך וואָלט געקאָנט דעם צעטל ציען ווייטער און ווייטער, אָבער די פריער דערמאָנטע עטלעכע פאַקטן, גיבן אַ קלאָר בילד וועגן די פּאַראַנענע פעלערן, וועלכע דאַרפן באַזייטיקט ווערן. לײַדער — איז נישט פאַראַן די געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר אַזעלכע ענינים. דער רעזולטאַט — קיין שום וווּקס פון דער פּאַרטיי. מיר זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

די אויבנגעבראַכטע אינפאָרמאַציעס שאַפן אפשר דעם איינדרוק, אַז אין דער פאַרייניקטער פּאַרטיי איז נישט די לאַגע ווי אַמבעסטן. דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. מיר זענען אַ גאַר ערנסטער, וויכטיקער כוח אינעם יידישן לעבן אין פּוילן. די צרה איז נאָר די, וואָס מען שטעלט זיך צופרידן מיטן פאַראַנענעם, עס פעלט דער „אַפּעטיט". ווער שמועסט נאָך, אַז מען וואָלט אים געקאָנט שטילן. מענטשן אינעם אָנפירנדיקן אַפּאַראַט האָבן מיר איבערגענוג (אפשר צופיל). מען דיספּאָנירט אָבער שלעכט מיט די מענטשן. מען בייט נישט קיין חברים, וועלכע זענען זיך „פּאַרזעסן" אויף זייערע בענקלעך.

אייך אינטערעסירט אַוודאי דאָס פּראָבלעם פון צוזאַמענלעבן אין דער פאַרייניקטער פּאַרטיי. לויט מיין מיינונג, איז די פאַרייניקונג און צונויפלעבונג, אין צענטראַלן מאַסשטאַב, ווי אויף די ערטער — אַ צופרידנשטעלנדיקע. אָן באַזונדערע ווייטיקן אָדער קאָנפליקטן, איז אַדורך די צונויפגיסונג פון צוויי באַוועגונגען. ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט, הגם אין געציילטע ערטער שפּרינגען נאָך אַרויס די אָדער יענע אַנטאַגאָניזמען, וועלכע זענען גיכער אַ רעזולטאַט פון פּערזענלעכע רייבונגען, איידער פון פּאָליטישע חלוקי־דעות. דער פּרינציפּ פון פּאַריטעט, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין די אָנפיר־אינסטאַנצן און געשאַפן אַ סטאַטוס, אַז צ. ס. איז אַ גלייכבאַרעכטיקטער פאַקטאָר ווי מיר, איז פון אַלע שטאַנדפּונקטן באַוואולהנדיק לגבי לינקע פּועלי־ציון. איך האָב פון דער ערשטער מינוט געהאַלטן, אַז אין פּוילן דאַרפן מיר אויסגלייכן דעם ארץ־ישראלדיקן חשבון, ווייל נאָר ביי אונדז איז געווען אַ שאַנס איבערציען דאָס צינגל פון וואָגשאָל לטובת לינקע פּועלי־ציון, וואָס וואָלט געווען אַ פּרעצעדענט פאַר עסטרייך און דייטשלאַנד און וואָלט אַ סך געהאָלפן אונדזערע חברים אין ארץ־ישראל. אין דער נאָענטסטער צייט וועלן מיר וויסן גענוי, וויפל חברים האָט יעדער פּאַרטיי באַזונדער געגעבן דער פאַרייניקטער פּאַרטיי. מיר שיינט, אַז לינקע פּוע"צ וועט פון דער סטאַטיסטיק אַרויס בכבודיק. אָבער אַ חוץ מענטשן האָבן מיר געגעבן עפּעס מערער — אינסטיטוציעס, ווירטשאַפטלעכע פּלאַצוווקעס, אַקטיוויסטן מיט אַ סך אידעאַליזם, דינאַמיק און התלהבות, אָן וועלכע אַ באַוועגונג קאָן נישט עקזיסטירן.

לעצטנס איז פאַראַן אַ געוויסע שפּאַנונג צווישןביידע צדדים. די סיבה, ווייל אין ארץ־ישראל איז אחדות־עבודה אומלאָיאַל און אומטאַקטיש לגבי אייך. אונדז דאָ, אין פּוילן, באַלייַדיקט אַזאַ האַנדלונג און מיר זענען גרייט זיך „אָפּצונעמען" פאַר דער אומרעכט. פאַראַן אָבער אויך „פּוילישע" ענינים. די פראַגע פון „פּשעלאָם", פינאַנסן און אַנדערע ענינים, אויך פּערזענלעכע. דאָס אַלץ דראָט נישט דערווייל מיט קיין ערנסטן קריזיס, אָבער רייבונגען זענען פאַראַן. כ'וויל גלויבן, אַז נישט אויף לאַנג. אינעם שלום־בית זענען מיר דאָך אַלע פאַראינטערעסירט.

✩

פּאַריז, דעם 19/11 1948.

טייערער חבר מולע!

מיט 4 וואָכן צוריק בין איך פון וואַרשע געקומען קיין פּאַריז, כדי דאָ איבערפּאַקן די פּעקלעך, צונויפנעמען די פּרוי מיטן זון און ווי אַמגיכסטן אָפּפאָרן קיין ישראל. מיין באַלדיקער

אַרויספאָר איז אָבער געוואָרן אָפּגעהאַלטן אויף אַ קורצינקער צייט צוליב דעם, וואָס איך האָב געוואַרט (און וואַרט נאָך איצט אויך) אויף די חברים מייערפעלד און פּנחס לעווין פון לאָדזש, וואָס ווילן קומען צוזאַמען מיט מיר קיין ישראל. אויך האָט מיין משפחה אין בעלגיע אויסדריקלעך פאַרלאַנגט, אַז ערב דעם אָפּפאָר אין לאַנד, זאָל איך אויף עטלעכע טעג קומען צו זיי זיך זען און געזעגענען. מיין משפחה האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט צו באַקומען פאַר מיר אַן אַריינפאָר־וויזע. אַלזאָ, חבר מולע, פאָר איך די צווייטע וואָך קיין בריסל (אויב אַלץ וועט גיין כשורה), פאַרברענג דאָרט מיט דער משפחה און חברים אַ 4־5 טעג און תיכף נאָכן אומקערן זיך קיין פאַריז, פאָר איך נאָך מאַרסיי. לויט מיינע אויסרעכענונגען, פאַרלאָז איך פראַנקרייך אַן ערך דעם 5טן דעצעמבער. איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויפן טאָג פון קומען אין לאַנד, זען זיך מיט אייך און די חברים. איך האָב גישט קיין פּלענער פאַר זיך און דער משפחה. ווי תמיד, וועט די פּאַרטיי דעצידירן און באַשטימען מיין גורל. און הגם איך פריי זיך מיטן גאַנצן האַרצן מיט דער אויסבילדונג פון דעם פאַרייניקטן וועלט־פאַרבאַנד און כאָטש איך בין אַ יאָר צייט געווען טעטיק אין פּוילן ווי איינער פון די סעקרעטאָרן פון דער פאַרייניקטער פּועלי־ציון, בין איך נאָך אַלץ אויף אַזוי פיל „קאָנסערוואַטיוו”, אַז דעם באַגריף פּאַרטיי אידענטיפיציר איך נאָך אַלץ מיט לינקע פּוע”צ. אַנדערש גערעדט, לינקע פּועלי־ציון איז פאַר מיר דער איינציקער אַדרעס און אינסטאַנץ, וועלכע דאַרף דיספּאָנירן מיט אירע מענטשן. וועגן די עניינים, וועלן מיר זיך שוין אַדורכרעדן אויפן אָרט, אָבער וועגן דער לאַגע אין דער פראַנצויזישער פּאַרטיי, און מיין אָפּשאַצונג פון אירע אַקטיוויטעטן — קאָן איך נישט וואַרטן אַפילו דעם חודש, וואָס טיילט אָפּ אונדזער צונויפטרעף, נאָר מוז שוין איצט שרייבן און אַלאַרמירן, קלאַפּן טרעוואָגע וועגן צושטאַנד פון אַ פּאַרטיי, וועלכע ווירקט אינעם גרעסטן יידישן צענטער אין אייראָפּע און אין דעם איצט איינציקן טראַנזיט־לאַנד פון וואַנען מ׳קאָן פאָרן קיין ישראל. איך קאָן נישט באַגרייפן, ווי אַזוי האָט דער פאַרבאַנדס־ביוראָ טאָלערירט אַזאַ צושטאַנד, הגם ער איז געווען גענוי אינפאָרמירט, ווי אַזוי דאָ זעט אויס. סיי איר, סיי זרבבל, ניר, בערמאַן, ברוך און אַנדערע, זענען נישט איינמאָל געווען אין פראַנקרייך און טאַקע גערעדט אָפּט וועגן אַ „מענטש” צו שיקן אַהער און פאַרבעסערן די אַרבעט פון דער פראַנצויזישער פּאַרטיי. ליידער, האָט איר אַלע נאָר גערעדט, אָבער די האַנט אין קאַלטן וואַסער נישט געטאָן, כדי פאַרבעסערן די לאַגע. מיט אַ קרעכץ איז נאָך קיינער נישט געראַטעוועט געוואָרן. אַוודאי און אַוודאי נישט — קיין פּאַרטיי. דערלויבט־זשע צו אינפאָרמירן וועגן די בלויזן פון לינקע פּועלי ציון אין פראַנקרייך:

קיין גיוס־אַקציע אינערהאַלב דער פּאַרטיי איז נישט געפירט געוואָרן און אין רעזולטאַט האָבן אַפילו די ניי־איינגעוואַנדערטע נישט געוווּסט, אַז עס גייט אין דער וועלט אַ גיוס. הונדערטער חברים זענען אויפן וועג קיין ישראל „פאַרלוירן געגאַנגען” אין פאַריז, געבליבן דאָ שטעקן און די פּאַרטיי טוט גאָרנישט, כדי זיי באַוועגן צום אָפּפאָר. נאָך מער: 2 חברים פון פּוילן, וואָס זענען דאָ געבליבן צייטווייליק, האָט מען אַריין גענומען אין צענטראַל־קאָמיטעט, ווייזט אויס אַלס פּרעמיע פאַר נישט פאָרן גלייך קיין א״י. עס ווערט נישט געפירט קיין שום פּאַרטיי־טעטיקייט אויף דער פּראָווינץ. מיט אַ יאָר צוריק האָבן מיר אין פראַנקרייך געהאַט אַ 6 פּונקטן. היינט איז פאַרבליבן נאָר פאַריז. די הונדערטער חברים פון די דריי מפ״ם־ריכטונגען, וואָס זענען פון אַ סך אייראָפּעישע לענדער געקומען קיין מאַרסעי און וואַרטן דאָרט אויף אַ שיף לאַנגע וואָכן, פילן נישט די מינדסטע זאָרג און פאַראינטערעסירונג מצד די היגע חברים, אין אַ צייט, ווען אַנדערע פּאַרטייען זענען באַזונדערס אויפמערקזאַם צו זייערע חברים אין מאַרסעי. אַפילו די פּועלי־ציון פּרעסע דערגייט נישט אַהין. אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דאָס „אַרבעטער וואָרט”. קיין סטאַבילע רעדאַקציע־קאָלעגיע, קיין זיצונגען און באַשטימונגען וועגן פּרצוף פון דער צייטונג. גאָר שלעכט איז מיטן קאָלפּאָרטאַזש, בסך הכל 700 עקז. פון „אַרבע־

טער וואָרט״ ווערן פאַרשפּרייט אין פּאַריז, נאָר צווישן אַבאָנענטן. אויפן גאַס, אין די קיאָסקן, אין די יידישע אינסטיטוציעס — זעט מען נישט אונדזער צייטונג. דאַקעגן די פּרעסע פון אַנדערע ריכטונגען ווערט שוין גוט פאַרשפּרייט. אונדזער פּאַרטיי האָט נישט קיין פאַרשטייער אין „דזשוינט״ („קאָזשעסאַר״) און אַפילו קיין איין באַאַמטן אין פּאַלעסטינאַ־אַמט, די אינסטיטוציע, ווו עס זענען איצט פאַראַן אַלע פעדים פאַר עליה פון גאַנץ אייראָפּע. מיר האָבן זייער אַ שוואַכע אַנונג וואָס עס קומט פאָר אין פּאַלאַמט. בכלל איז פּאַריז רייך מיט אַ סך געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אָבער אונדזער פּאַרטיי האָט צו זיי אַ גאָר קנאַפּן שיכות. אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער אויפנעם פון אַ גאַנצער ריי יידישע שרייבער און אַרטיסטן, וואָס קומען לעצטנס קיין פּאַריז. מיר אין פּוילן האָבן מקרב געווען די שרייבער, געשטאַנען מיט זיי אין קאָנטאַקט. דאָ, אין פּאַריז, ווערט אַלץ פאַרטאַכלעוועט, ווייל ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען.

אַ טרויעריק קאַפּיטל איז דער פּראָבלעם פון אויפנעמען און זאָרגן פאַר דעם ניי־איינגעוואַנדערטן, דערליידיקן זיינע ענינים פון פּאַספּאָרט, שטיצע, איינאָרדענונג אויף אַרבעט, אָדער — עליה. דער ניי־איינגעוואַנדערטער ווערט אַלע ענינים קענען דערליידיקן ביי אַנדערע פּאַרטייען. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך, וואָס צענדליקער חברים פון פּוילן זענען אין פּאַריז פאַרלוירן געגאַנגען נישט נאָר פאַר ישראל, נאָר אויך פאַר דער פּאַרטיי. זיי באַווייזן זיך איבערהויפּט נישט אין לאָקאַל. דעריבער ווערט איר אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג אָנציילן מאַקסימום 50—60 מענטשן. צו דעם אַלעמען וויל איך נאָך צוגעבן, אַז דער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט אַרבעט נישט רעגולער און ער איז געשלאָסן גראָד אין די מיטאָג־און אָוונט־שעהן, ווען ס'איז פאַראַן אין לאָקאַל אַן עולם (פון „עסערס״). אויפן ראַנד פון דעם אַלעמען מעג מען צוגעבן, אַז דער לאָקאַל איז נישט עסטעטיש, קיין אָנטשפּרעכנדיקע דעקאָראַציע וואָס זאָל דערמאָנען, אַז אויף רי בעראַנזשע געפינט זיך דער איינציקער אין פראַנקרייך פּועלי־ציון לאָקאַל.

וועגן די פּאָליטישע איינשטעלונגען פון די חברים, וואָלט כדאי געווען באַזונדערס צו שרייבן. איך וויל אָבער מיט דעם בריוו נישט מאריך זיין. אין געציילטע וואָכן אַרום, וועל איך אייך וועגן אַלעמען אויספירלעך איבערגעבן, בעת אונדזער צוזאַמענטרעף.

מיינט נישט, חבר מולע, אַז איך באַגנוגן זיך נאָר מיטן אַרויסברענגען פאַר אייך די פעלערן. אין משך פון מיין זיין אין פּאַריז, האָב איך אויף עטלעכע זיצונגען פּרובירט ענדערן, אויסבעסערן, ליקווידירן אַ ריי בלויזן, אָבער ליידער, האָבן די אָנפירנדיקע חברים אַרויסגעוויזן אַמווינציקסטן פאַרשטענדעניש און ווילן פאַר אַ לייזונג. דער פּ.ב. מוז באַצייטנס אַלצדינג טאָן, כדי ראַטעווען די לאַגע.

דעם בריוו גיב איך איבערצולייענען דעם חבר עלעק מיטעלמאַן און אַנדערע צ״ק־מיטגלידער.

ד. ש.

## אָפענער בריוו צו אַ „פּאַרזעסענעם״ חבר

מיין טייערער!

מ׳ט געמישטע געפילן האָב איך דיך באַגעגנט אין פּאַריז. פון איין זייט האָט מיך באמת געפרייט דער פאַקט, וואָס איך זע פאַר זיך מיינעם אַן אַלטן, גוטן חבר — אַ געזונטן, פריילעבן, צופרידענעם פון זיך און פון אַרום. פון דער צווייטער זייט אָבער, איז מיר שווער געווען תופס

צו זיין, ווי אַזוי דו, דער איבערגעגעבענער ציוניסט און הייסער קעמפער פאַר יידישער מלוכהשקייט, געפינסט זיך נאָך אַלץ אין פראַנקרייך? איך האָב דיר טאַקע געשטעלט די פראַגע: וואָס טוסטו נאָך דאָ, אין פאַריז? נאָך מיט אַ יאָר צוריק האָסטו שוין באַדאַרפט זיין אין ארץ־ישראל. דיינע בלאַסע און פאַרנעפּלטע אויפקלערונגען, האָבן מיך נישט איבערצייגט. און אויף מיינע אַרגומענטן, האָסטו צום סוף אַפילו נישט געוואָלט ענטפערן. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ביסט אַוועק פון מיר אַ באַליידיקטער, הגם איך האָב נישט געוואָלט דיך אָנרירן. אַזוי ווי איך פאַר אינגיכן קיין ישראל און אונדז וועט וואַרשיינלעך נישט אויסקומען אַזוי שנעל זיך צו טרעפן (סיידן וועסט באַלד נאָכקומען אין לאַנד אַריין...), דערלויב־זשע דורך דעם בריוו, דערמאָנען און דיר אויפקלערן עטלעכע ענינים.

נאָך אין פאַרמלחמהדיקן פוילן האָסטו אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווילן עולה צו זיין קיין א״י. הגם מאַטעריעל האָט זיך דיר נישט שלעכט געלעבט, פלעגסטו תמיד טרוימען וועגן אונדזער לאַנד. אָט דער דראַנג איז ביי דיר באַזונדערס געוואָרן שטאַרק נאָך דער באַפרייונג, ווען האָסט זיך אומגעקערט פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פוילן. אין וואַרשע האָסטו מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז דו ווילסט נישט באַזוכן דיין געבורטשטאָט, ווו ס׳איז אַפילו נישט געבליבן דאָס אָרט צו גיין אויף קבר־אבות. דיין איינציקער באַגער איז געווען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. און דאָס שוין, תיכף. די פּאַרטיי האָט דיך פּאַרלויפיק געשיקט אַרבעטן אין אַ שטאָט אין פוילן, ווו דו האָסט זייער אַ סך געלייסטעט פאַרן א״י־געדאַנק. נאָך איצט דערמאָנט מען דיינע פלאַמיקע רעדעס אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. ווען דו האָסט גערעדט (און דווקא מיט האַרץ גערעדט!) וועגן עליה, העפלה, התישבות. גערופן אַנדערע און ביסט אַליין גרייט געווען שוין זיך אַנצושליסן אין דער קעמפנדיקער הגנה, הגם האָסט געוווּסט, אַז דער וועג קיין ישראל איז פול מיט זיגזאַגן און געפאַרן. האָסט געאַרבעט לטובת דעם קרן קימת. און געהאַט שטאַרקע טענות צו די בונדיסטן, הלמאי זיי באַקעמפן דעם געדאַנק וועגן יידישער זעלבּ־שטענדיקייט און נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, פּונקט ווי דו האָסט נישט געקאָנט פאַרשטיין די יידישע פּ.פּ.ר.־אָווצעס, פאַר וואָס זיי נעגירן דעם דאָזיקן געדאַנק. אויף יעדער ידיעה, אַז דער אָדער יענער ציוניסט איז פון פוילן אַרויסגעפאָרן קיין אויסטראַליע, אַפריקע, שוועדן, אַמעריקע אָדער פראַנקרייך, — פלעגסטו אַריינפאַלן אין אַ גרימצאָרן. אַזעלכע טאַטואַכן פלעגסטו באַצייכענען ווי נאַציאָנאַלער פאַראַט. דו געדענקסט אַוודאי זייער גוט דעם געזעגעג־נוגס־אָוונט וואָס מען האָט דיר איינגעאָרדנט. פיל רעדעס — האַרציקע, חברישע, דורכגעדרונגען מיטן טיפן גלויבן, אַז דו פאָרסט קיין ארץ־ישראל. דו אַליין האָסט אין דיינע ווערטער אונטער־געשטראָכן, אַז ענדלעך ווערט פאַרווירקלעכט דיין טרוים און וועסט זיך באַמיען ווי אַמשנעלסטן צו קומען אין לאַנד. ביסט אַוועק מיט אַ קיבוץ — אַ 4 צענדליק חברים, וועלכע האָבן דורך וועגן און אומוועגן דערשלאָגן זיך קיין דייטשלאַנד און פון דאָרט — צו די א״י־ברעגעס. דו איינער, פון דער גאַנצער גרופּע, האָסט זיך געלאָזט קיין פראַנקרייך, צו גענוג ווייטע קרובים, וואָס האָבן דיך „אַראָפּגענומען״.

פרעג איך דיך, מיין טייערער, וויפל איז דער שיער צו פרייען זיך מיט קרובים? איבער אַ יאָר צייט זיצסטו אין פאַריז און מאַכסט זיך פאַרגעסן אין דעם אַלעם וואָס קומט פאָר אין ישראל. האָסט ווי „פאַרזען״, אַז שוין אַ האַלב יאָר איז פאַרביי, זינט ס׳איז פראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה, וועלכע געפינט זיך אין קאַמף מיט די אַראַבישע אַגרעסאָרן. צי ווייסטו נישט, אַז אין אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט, גייט אָן דער גיוס — די פרייוויליקע מאָביליזאַציע פאַר צבא ההגנה לישראל? אַז צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געמאָלדן זייער גרייטקייט צו באַטייליקן זיך אין דעם גרויסן היסטאָרישן געראַנגל, וועלכער וועט דעצידירן נישט נאָר וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון ישראל, נאָר וועגן עצם קיום פון גאַנצן יידישן פאָלק? קענסטו זיך פאָרשטעלן, ווי יעדער מענטש איז איצט נייטיק אונדזער מדינה?

מיר איז באמת פיינלעך גראָד דיך צו דערמאָנען אַזעלכע ענינים. פאַרשטייסט זיי נישט ערגער פון מיר. אָבער פאַריז האָט דיך פאַרכאַפּט, פאַרטשאַדעט, צוגעבונדן דיך צום וואַרשטאַט, ממש פאַרקנעכט צו דער אַרבעט. אין געיעג נאָך רווחים, האָסטו דיין אונטערנעמונג אָוועקגעשאָנקען דעם פיזישן כוח, ווי דיין גייסט. די הויכע אידעאַלן, וועלכע האָסט אַזוי שטאַרק געוואָלט פאַרווירקלעכן, זענען ביי דיר איצט ווי אויסגערינען. האָסט מיט דיינע אייגענע הענט צעבראָכן די לוחות, אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגעשריבן די אידעע פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און סאָציאַלער אויסלייזונג פון יידישן פאָלק. פאַרוואָס איז אַזוי געשען?

האָסט אַ ברירה נישט צו ענטפערן אויף דער פראַגע מיר פערזענלעך. ס'איז דיינער אַן ענין. פאַרגעס אָבער נישט, אַז אויף דיין ענטפער וואַרטן אַ סך חברים אין פוילן, וואָס האָבן דיך האַרציק געזעגנט און באַגלייט קיין ארץ־ישראל; דיין ענטפער זענען נייגעריק צו הערן די חברים און יידן, וואָס באַלאַגערן דעם פאַריזער פאַלעסטינע־אַמט און ווילן ווי אַמשנעלסטן קומען קיין ישראל, ווי אויך די טויזנטער פון אַלע אייראָפּעישע לענדער, וואָס זיצן אין אַ פּראָווויזאָרישער פּאַרט־שטאָט און קוקן אויס די שיף מיט דער בלוי־ווייסער פאָן, וואָס זאָל זיי אָוועקפירן צו די ברעגעס פון פאָטערלאַנד. אויף דיין ענטפער וואַרטן אין דער ערשטער ריי די העלדישע קעמפער פון דער יידישער אַרמיי, די חברים פון קיבוץ און פון דער פאַרטיי — די וואָס ווילן דיך זען צווישן זיך.

נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען דו ענטפערסט נישט מיט קיין בריוו, נאָר אַזוי, ווי עס פאַסט פאַר אַ באַוווסטזיניקן ייד און אַלטן, אויסגעפּרוווטן קעמפער — ביסט שוין עולה. פאַרגעס נישט, ווער דו ביסט און וואָס פאַרא אויפגאַבן דו דאַרפסט דערפילן אין דער גולדיקער שעה פאַר אונדזער פאָלק.

פּ. ס. וועסט מוחל זיין, וואָס איך שרייב דעם דאָזיקן בריוו נישט אויף דיין פּריוואַטן אַדרעס. דיין פאַל איז טאַקע אַן איינצלנער, אָבער ווען דער דאָזיקער בריוו זאָל האָבן די געהעריקע ווירקונג, וועל איך צופרידן זיין, וואָס אַלע אונדזערע לייענער וועלן האָבן אַ חלק אין דער מצווה פון ראַטעווען אַפילו איין נפש בישראל...

(א״וו פאַריז, נאָוועמבער 1948).

## דריי שיטות — איין באַוועגונג

די טעג איז אָנגעקומען פון ישראל די דערפרייענדיקע ידיעה, אַז עס זענען פאַרענדיקט געוואָרן די אונטערהאַנדלונגען צווישן די וועלט־פאַרבאַנדן פון פועלי־ציון לינקע, אחדות העבודה און השומר הצעיר וועגן אַדורכפירן אין וועלט־מאַסשטאַב די פאַראייניקונג פון די דריי פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע ריכטונגען. ס'איז שוין פאַרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דעם פאַראייניקטן וועלט־פאַרבאַנד, כדי באַשטימען די אידעישע פּלאַטפאָרם פון דער באַוועגונג און באַשליסן וויאַזוי פּראַקטיש אַדורכפירן די פאַראייניקונג אין פאַרשידענע לענדער.

.1

אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַרגעקומען אַ וויכטיקער אַקט. דער פון לאַנג שוין אָנגעצייכנטער אין ישראל איינהייט־פראָנט פון די לינק־פּראָלעטאַרישע און חלוצישע כוחות, ווערט איצט אויסגעברייטערט אויף קנאַפּע 3 צענדליק יידישע ישובים אין דער וועלט, ווו ס'ווירקן די פאַרטייען פון די דריי שיטות.

דעם פאָרמעלן אָנהייב פאַרן דעם פּראָלעטאַרישן דריי־בונד אינעם ציוניזם, האָט געגעבן די פאָרגעקומענע אין ארץ ישראל (זומער 1946) פאַראייניקונג פון אחדות העבודה מיט לינקע פועלי־ציון. אויפן 22־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל (דעצעמבער 1946),

טרעט שוין אַרויס אַן איינהייטלעכע פראַקציע פון „אחדות העבודה—פּועלי ציון", הגם די פּאַרייניקונג האָט דאַן געהאַט אַרומגענומען נאָר אין לאַנד (א"י). דער קאָנסאָלידאַציע־פּראָצעס אַנטוויקלט זיך אָבער מיט גענוג שנעלע טעמפּן. די צוויי ריכטונגען אין רומעניע, בולגאַריע, פּוילן, איטאַליע און צפון־אַמעריקע, נאָכטוענדיק דעם ביישפּיל פון זייערע מוטער־פּאַרטייען אין ארץ־ישראל, פירן אַדורך ביי זיך די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאַרייניקונג. נאָך דער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט (ציריך, 1947), און באַזונדערס דעם באַשלוס פון וועגן שאַפן אַ יידישע מדינה, איז קלאָר געוואָרן, אַז עס זענען שוין נישט פאַראַן קיין וועזנטלעכע חילוקי־דעות צווישן „אחדות העבודה—פּועלי ציון" און דעם „השומר הצעיר". ס'איז רייף געוואָרן דער געדאַנק פון אַ פּאַרייניקונג מיט דער יינגסטער פּאַרטיי אינעם אַרבעטער־ציוניזם. דעם 21־טן יאַנואַר 1948 איז אין תל־אביב פאָרגעקומען די פייערלעכע פּאַרייניקונג־קאָנפערענץ פון „אחדות העבודה — פּועלי ציון" מיטן „השומר הצעיר", און ס'איז געשאַפן געוואָרן די פּאַרייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי — מפלגת הפועלים המאוחדת (מפ"ם).

אויף דער פּאַרייניקונג־קאָנפערענץ פון מפ"ם איז ריכטיק אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די אויסבילדונג פון מפ"ם איז נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון אונטערהאַנדלונגען און געשלאָסענע אָפּמאַכן. דער קאָנסאָלידאַציע־פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען אין לעבן פיל פריער — ביי דעם בוי און קאַמף.

„מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט, כדי צו פּאַרייניקן דעם לינקס פון ציוניזם, אין ישוב, אין פאָלק. די פּאַרייניקונג גילט שוין אין לעבן, ביי דער אַרבעט, אין קאַמף, זי איז געקומען ווי אומגערן, אַלס אָביעקטיווע נויטווענדיקייט. איצט איז זי פאָרמולירט געוואָרן און באַקומען אַן אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאָליטישע פאָרם, דורכן רעוואָלוציאָנערן ווילן און קלאָרן מאַרקסיסטישן באַוווסטזיין. דאָס איז דער וועג, מיט וועלכן מיר זענען ביז אַהער געגאַנגען באַזונדער, דאָס איז דער זעלבער וועג מיט וועלכן מיר וועלן פון היינט אָן גיין געאייניקט. (זרבבל).

י. טאַבענקין שטעלט פעסט, אַז צענדליקער יאָרן זענען דריי שטרעמונגען געגאַנגען אין דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן וועג, וועלכער איז געווען נישט נאָך אַ גלויבן אין ווערטער, נאָר דער געבאָט פון לעבן און פּערזענלעכע פאַרווירקלעכונג.

„אונדזער פּאַרייניקונג איז פאָרגעקומען אין דער וויסטעניש, אויף די פעלדער, ביי דער אַרבעט, אין די פּאַרטיידיקונג־אָקאָפּעס. מיר האָבן זיך פּאַרייניקט אין די נעכט פון שמירה. מיר האָבן זיך פּאַרייניקט דורך דעם שייטערהויפן. מיר זענען אייניק געווען ביים דורכברעכן גרענעצן, אין דער בריחה, אין דער אומבויגזאַמער העפלה. חברים און ברידער זענען מיר געוואָרן בעת די געטאָ־אויפשטאַנדן. די ברודערשאַפט פון געווער האָט אונדז פּאַרייניקט. אניעלעוויטש און טענענבוים, פרומקע און טאָסיע, די אויפשטענדלער פון ביאַליסטאָק, ווילנע, וואַרשע. דאָס באַפרייען די מעפּילים פון עתלית, ציפערן און די קרבנות ביים אויפרייסן די בריקן — נישטאָ קיין גרעסערע ברידערלעכקייט. און די פּלאַטפאָרם — זי האָט שוין געמוזט קומען! ס'איז אוממעגלעך געווען, אַז די פּאַרייניקונג זאָל נישט קומען. (טאַבענקין)

.2

די פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע פּאַרטייען אין דער גאָרער וועלט האָבן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט נאָך דעם אַלעמען, וואָס איז פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל. געבענדיק זייערע בעסטע קאַדערן פאַרן אויפבוי־ווערק פון לאַנד, צוטראָגנדיק זייער גרויסן ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון דער מדינה — האָבן זיי שטענדיק געזען אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג דעם אָנרעגער און וועגווייזער פאַרן קאַמף אויף די ערטער. דערפאַר איז געווען זעלבפאַרשטענדלעך, אַז די פּאַרייניקונג אין ארץ־ישראל, וואָס האָט געהאַט אַזאַ טיפן אָפּקלאַנג אין דער דיאַספּאָרא, וועט מוזן ווי אַמגיכסטן האָבן איר פּראַקטישע אויסווירקונג אויף צו קאָנסאָלידירן און צעמענטירן די ריכטונגען אינם אַרבעטער־ציוניזם אין דער

גאָרער וועלט, וואָס זענען פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט מפ״ם. בסך הכל 10 חדשים טיילן אונדז אָפּ פון דער פאַרייניקונג אין ארץ־ישראל און שוין איז רייף געוואָרן די פאַראייניקונג אין וועלט־מאַסשטאַב. אַ לאַנגיעריקער טרוים פון טויזנטער און טויזנטער חלוצים, פּיאָנערן, בויער פון לאַנד, קעמפער און שעפער פון דער איצטיקער ווירקלעכקייט אין ישראל — ווערט מקוים. דער איינהייט־פּראָצעס אין דער יידישער אַרבעטער־סביבה האָט באַקומען בלוט און פלייש. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט שליסט ענגער אירע רייען. עס ווערט געשאַפן דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד (פּועלי־ציון, אחדות העבודה, השומר הצעיר).

.3

די פאַראייניקונג אין וועלט־מאַסשטאַב איז נישט קיין פאַרייניקונג „פאַר יעדן פּרייז״. זי קומט פאַר אויפן יסוד פון אַ באַשטימטער אידעישער פּלאַטפאָרם, וועמענס באַזע איז די פאַרייניקונג־פּלאַטפאָרם פון מפ״ם. דערפאַר וויסן מיר פון פאָרויס, אַז די אין וועלט־מאַסשטאַב פאַרייניקטע לינק־ציוניסטישע גרופּירונגען, וועלן אידעאָלאָגיש בילדן אַ מאָנאָליט, מיט אַן אויסקריסטאַליזירטער איינהייטלעכער פּאָליטישער ליניע פון דער פּאַרטיי, גילטיק און פאַרפליכטנדיק פאַר יעדן מיטגליד אירן. די אידעען פון באָראָכאָוויזם — מאַרקסיזם וועלן זיין די עיקר יסודות פאַר דער פאַרייניקטער באַוועגונג. דער ענגער בונד און אָריענטאַציע אויף דעם רעוואָלוציאָנערן טייל פון אַרבעטער־קלאַס, אויף דער פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט — וועלן זיין דער אני־מאמין פון דער פּאַרטיי. אין דער פאַרייניקונג־פּלאַטפאָרם פון מפ״ם ווערט דער דאָזיקער מאָמענט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן.

וועגן די קאָמפּס־אויפגאַבן אין ארץ־ישראל האָט אויף דער פאַרייניקונגס־קאָנפערענץ פון מפ״ם געזאָגט מאיר יערי:

„די א״י־דיקע אַרבעטער־באַוועגונג האָט צונויפגעגאָסן חלוצישע פרייוויליקייט מיט קלאַסן־קאַמף. חלוצישע פרייוויליקייט ביים גרינדן ווערק, ביי מעשי־בראשית. קלאַסן־קאַמף פאַר פאַרפעסטיקונג און אַנזאַמלונג פון כוח, פאַר וווּקס און פאַרברייטערונג, פאַר אויפשטעלן אַ דור פאַרזעצער פון דער תורה און עבודה, פאַר אונדזער שליחות און באַשטימונג, פאַר דער העגעמאָניע פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון סאָציאַליזם. די צונויפגיסונג פון חלוצישער פרייוויליקייט מיט דעם קאַמף פונם אַרבעטער־קלאַס פאַר דער העגעמאָניע אין פאָלק, האָט באַשטימט דעם כוח פון דעם אַרבעטער אין ציוניזם און ישוב. אויך אין דער צוקונפט וועט אונדזער כוח זיין אָפּהענגיק דערפון, צי מיר וועלן זיך האַלטן ביי די דאָזיקע פּרינציפּן אָדער מיר וועלן זיך אויסקערן צו זיי מיטן רוקן. און דאָס איז די שליחות פון דער פאַריי־ניקטער פּאַרטיי אין פאָלק און אין ישוב. אַליין פאַרווירקלעכן און לערנען אַנדערע די תורה פון צונויפגיסן חלוצישע פרייוויליקייט מיט אַרבעטער־העגעמאָניע.

פאַרשטייט זיך, אַז די פאַרייניקטע וועלט־באַוועגונג וועט דאַרפן אומאויפהערלעך און פּערמאַנענט פירן איר פּאָליטיש־דערציערישע אַרבעט אינערהאַלב די אייגענע רייען און אויי־סערלעך. אַ טעאָרעטישע צייטשריפט אין עטלעכע שפּראַכן, פּעריאָדישע און טאָג־פּרעסע, בראָשורן און ספּעציעלע אויסגאַבן וועלן דאַרפן פּאָפּולאַריזירן די אידעען פונם אַלוועלט־לעכן יידישן אַרבעטער־פאַרבאַנד. קאַמף מיט פּאָליטישער עם־הארצות, קאַמף פאַר אַ הויכן אידעישן ניוואָ פון די חברים — וועט דאַרפן זיין די עיקר־אויפגאַבע פון דער באַוועגונג.

.4

עס טאָר נישט זיין קיין שום דיספּראָפּאָרץ צווישן דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער פּאַרטיי. צוגלייך מיט דער אידעאָלאָגישער פאַרטיפונג און טעאָרעטישער אויסשולונג פון די מיטגלידער, דאַרפן זיי אויך דערצויגן ווערן אין גייסט פון דיסציפּלין, אחריות, אַקטיוויטעט

און שלאַגפערטיקייט. די אידענטישקייט צווישן טעאָריע און פּראַקטיק פון דער פאַרייניקטער פּאַרטיי דאַרף זיין אַ פולקאָמע. אָרגאַניזאַציאָנעל — איין וועלט־באַוועגונג, מיט אָנגעשלאָסענע אין איר לאַנד־פּאַרטייען, וואָס זאָלן זיין טעטיק אויף אַלע געביטן פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן און ציוניסטישן לעבן. די פּאַרטיי־טעטיקייט אין אַלע לענדער לטובת דער יידישער מדינה דאַרף זיך דערגענצן און זיין אין איינקלאַנג מיט די אַרבעטן אויף די ערטער גופא. אַ פולקאָמע העגעמאָניע און פאַרשטענדעניש פאַר די אַקטיוויטעטן פון דאָרט און דאָ.

אין יעדן לאַנד, ווו די פאַרייניקטע וועלט־באַוועגונג וועט האָבן איר פּאַרטיי, זענען פאַראַן אויפריכטיקע פריינט פאַר די אידעען פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק. און אין דער נישט־יידישער וועלט — קאָמוניסטישע פּאַרטייען, אין דער ערשטער ריי — לינק־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, פּראָגרעסיוו־בירגערלעכע און דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וואָס ווייזן אַרויס אַ סך פאַרשטענדעניש און גרייטקייט צו ממשותדיקער הילף ביים פאַרווירקלעכן אונדזערע אידעאַלן. דאַרף מען איצט, מערער ווי תמיד, איבערייסן מיט אַן אַלטער, נישט געזונטער טראַדיציע פון זיין טעטיק בלויז אין דער אייגענער יידישער סביבה — נאָך איינשטעלן זיך אויף פריינטלעכע חברישע באַציאונגען און קאָנטאַקטן מיט נישט־יידישע קרייזן, וועלכע זענען צו אונדז גינסטיק. מ'דאַרף זיך פאַרבינדן מיט די פריינט, וואָס זענען שוין פאַראַן און זוכן נייע.

.5

די פאַרייניקונג אין וועלט־מאָסשטאַב צווישן דריי שיטות פונעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם וועט דאַרפן זיין פאַרבונדן מיט אַ גרויסן פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלן אָנגריף אויף די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יעדן לאַנד באַזונדער, אויף טויזנטער און טויזנטער אומפּאַרטייאישע עלעמענטן, וועמען די פּאַרטיי דאַרף אויסשטרעקן איר האַנט און געווינען זיי ווי אירע מיטקעמפער. די אידעען פון איינהייט, באַזונדערס נאָכן חורבן, זענען נאָענט און אייגן די ברייטע יידישע מאַסן. אַ פאַרייניקטע פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע באַוועגונג איז גענוג צוציענדיק פאַר אַ סך יידן, וואָס זענען ביז איצט געשטאַנען אין אַ זייט פון פּאָליטישן קאַמף. שאַפן אַ מאַסן־באַזע פאַר דער פאַרייניקטער פּאַרטיי, צוציען אַ סך אומפּאַרטייאישע, משפּיע זיין די בירגערלעכע ציוניסטן, באַאיינפלוסן די „לעצטע מאָהיקאַנער" פון בונד, געווינען יידישע קאָמוניסטן פאַר אונדזערע אידעאַלן, אַריינדרינגען, אַקטיוו אַרבעטן און שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס — מוז ווערן דער געבאָט פון דער שעה פון דער פאַרייניקטער פּאַרטיי. אונדזער דעוויז דאַרף זיין: אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי לויט דער אידעאָלאָגיע, אַ מאַסן־באַוועגונג לויטן פאַרנעם אין אַקטיוויטעט.

.6

אין אָנבליק פון דער פאַרייניקונג פון די פּאַרטייען, ווערט אַקטועל און זייער נויטיק די פאַרייניקונג פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אידעאָלאָגיש פאַרבונדן מיט די 3 ריכטונגען, די צונויפגיסונג פון דער קיבוצישער באַוועגונג, דאָס שאַפן אַ איינהייטלעכן פאַרלאַג־וועזן און אוניפיצירונג פון די קולטור־אינסטיטוציעס. אַ פאַרייניקונג אויפן גאַנצן פראָנט — אַן אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע — איז באַזונדערס נויטווענדיק, כדי אין אָנהייב באַזייטיקן געוויסע שטימונגען ביי חברים, וועלכע שטעקן נאָך אין דער ספערע פון זייער פּאַרטייאישן אָפּשטאַם, אידעישער איינשטעלונג און פערזענלעכע פאַרבינדונגען. סימבאָלן און נעמען, נאָענטע און טייערע ביז איצט אַלע דריי שטרעמונגען באַזונדער, דאַרפן ווערן דאָס אייגנטום פון דער פאַרייניקטער באַוועגונג. טאָלעראַנץ, לאָיאַליטעט, קעגנזייטיקע פאַרשטענ־

דעניש און פאַרשטענדיקונג אין אַלע פראַגן — איז איינער פון די הויפּט־יסודות אויף צו שאַפן אין דער קאָנסאָלידירטער פּאַרטיי דעם גייסט פון גלייכהייט און גוטער חברשאַפט.

✡

מיט באַזונדערע וועגן זענען געגאַנגען די זיך פאַרייניקנדיקע איצט שטראָמונגען. מיר האָבן ענדלעך זוכה געווען דעם מאָמענט פון צונויפגיסן, און לאָמיר האָפן — פון צונויפשמעלצונג פון דריי ריכטונגען אינעם אַרבעטער־ציוניזם. לאָמיר זיין ראוי צוזאַמען טראָגן איצט די ברייט־פונאַנדערגעוויקלטע רויטע און בלוי־ווייסע קאַמפּס־פּענער פונם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ווי אַן אַנזאָג פון נייע קאַמפן און נייע נצחונות.

(א״ו פּאַריז, נאָוועמבער 1948).

## לייענענדיק באַראָכאָוון

בער באָראָכאָווס שריפטן טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אייביקייט. לייענענדיק, וואָס באָראָכאָוו האָט געשריבן מיט 30—40 יאָר צוריק, איבערצייגט מען זיך, אַז אַ סך פון באָראָכאָווס געדאַנקען, וועלכע האָבן דעמאָלט אויסגעזען ווייט פון דערווירקלעכקייט, האָבן שפּעטער באַקומען אַ נביאישן ווערט. נאָך דעם גרויסן חורבן און אומקום, פאַרמאָגן מיר איצט דעם נייטיקן דיסטאַנס צו זיין גייסטיקער שאַפונג, וואָס מאַכט מעגלעך צו באַטראַכטן באָראָכאָווס אויפטועון אין זייער אמתן, היסטאָרישן ליכט.

דער פאָרשער און דענקער פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג האָט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן פעסטגעשטעלט דעם אַנטוויקלונג־וועג פון יידישן פאָלק, די אַלוועלטלעכקייט פון זיין ספּעציפישער לאַגע און איר לייזונג — אַ יידישע סאָציאַליסטישע מלוכה אין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1916, אין סאַמע ברען פון יענער וועלט־שריפה, האָט באָראָכאָוו געשריבן:

„...צווישן די פּראָבלעמען, וואָס האָבן שוין לאַנג געדאַרפט געלייזט ווערן און וואָס די מלחמה האָט מיט העלישן פייער באַלויכטן פאַר דער וועלט אין זייער גאַנצן טראַגישן ערנסט, פאַרנעמט די יידן־פראַגע איינעם פון די ערשטע פּלעצער... דער שווערסטער און קאַטאַסטראָפאַלסטער טייל פונם וועלט־קריג שפּילט זיך פונאַנדער אויף די פּלייצעס פון יידישן פאָלק. דער עקאָנאָמישער חורבן, די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט, די מיליטערישע הפקרות — אַלץ האָט זיך פאַראייניקט צו פאַרוואַנדלען דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן אין אַן אמתן גיהנום, פול מיט איבערמענטשלעכע יסורים, פיזישע און גייסטיקע. קיינמאָל האָט נאָך די אומנאַרמאַלע לאַגע פונם יידישן פאָלק נישט באַוויזן איר צעוווּנדעוועטן פּנים מיט אַזאַ שרעקלעכער אָפנקייט ווי אין אָט די שוואַרצע יאָרן פון וועלט־שריפה, און קיינמאָל האָט נאָך די שוידערלעכע יידן־פראַגע נישט אָנגענומען אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער פון אַ וועלט־פּראָבלעם, פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן אומגליק, ווי אַצינד.

אַזוי האָט באָראָכאָוו אָפּגעשאַצט די ווירקונג פונם וועלט־קריג אויף אונדזער פאָלק, און ער פאַרענדיקט:

„...עס מוז ענדלעך געשאַפן ווערן אַ גאַראַנטיע קעגן דעם, וואָס יעדע קאַטאַסטראָפע אין דער געשיכטע, שטעלט אונדזער פאָלק ביים ראַנד פון אונטערגאַנג און וואָס יעדעס מאָל ווערט דאָס פאָלק דערשיטערט טיפער און געפערלעכער, ווי אַלע אַנדערע פעלקער״.
(אין קאַמף פאַר יידישע רעכט).

און וואָס דאַרף באַשטיין די דאָזיקע גאַראַנטיע? אין אַ צווייטער אַרבעט זיינער „ארץ־ישראל אַלס לאַנד פאַר די יידישע מאַסן״ שרייבט באָראָכאָוו:

...דאָס יידישע פאָלק נייטיקט זיך אין אַן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש זעלבשטענדיקן צענטער און כמעט אַלע גיבן צו, אַז אויב אַ יידישער צענטער — וואָלט ער באַדאַרפט זיין אין ארץ־ישראל.

...אויך אין פּאַלעסטינע קאָן אַנטשטיין אַ רייכער שטאָט מיט אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. דערצו זיינען נייטיק אָרגאַניזירטע פאָלקס־קרעפטן. מיר האָבן אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און אַ לאַנד אָן אַ פאָלק. לאָמיר זיי צונויפברענגען צוזאַמען!

באַדענקט דאָס יידישע אַרבעטער, איר וועט איינזען, אַז ארץ־ישראל אַלס אַ לאַנד פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן איז נישט קיין חלום, נאָר אַ גרויסע היסטאָרישע מעגלעכקייט.

פונקט מיט 30 יאָר צוריק, ווען יידישע פּיאָנערן און ענטוזיאַסטן האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט אויף אַ זאַמדיקן באָדן, ווען ביי די איינוווינער פון די געצעלטן האָט זיך ערשט אויסגעפיקט דער געדאַנק פון בויען ישובים, קאָלאָניעס און קיבוצים — האָט באָראָכאָוו זשעני פאַרזיכערט, אַז ארץ־ישראל איז נישט קיין חלום, נאָר אַ גרויסע היסטאָרישע מעגלעכ־קייט. אין דער אַרבעט „די ראָל פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונעם טערי־טאָריאַליזם" שרייבט ער:

...דער וווקס פון די יידישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע וועט ביסלעכווייז אַריבערטראָגן דעם שווער־פונקט פונעם גאַנצן יידישן לעבן אין פּאַלעסטינע, ווייל טאַקע נאָר אין אַט דעם לאַנד וועט נאָכן צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות צום ערשטן מאָל זיך אָנהייבן צו בויען אַן עקאָנאָמיש־אויטאָנאָמע זעלבשטענדיקע יידישע געזעלשאַפט, ווייל טאַקע נאָר דאָ וועלן ענדלעך די אַזוי לאַנג און אכזריותדיק איינגעשמידטע כוחות באַקומען אַ מער ברייטערן פּלאַץ, ווו זיי וועלן קאָנען זיך שאַרפער אַרויסווייזן און פריי פונאַנדערשפּילן. די וויכטיקסטע אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גלות וועלן זיין צוגעשמידט צו די באַדינ־גונגען פונעם אַריבערפאָרן אַהין.

אַז מען לייענט דאָס אויבן־ציטירטע, האָט מען דעם איינדרוק, גלייך עס וואָלט אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1945. און וועגן טעריטאָריאַליזם זעלבסט מאַכט באָראָכאָוו פאָלגנדיקע דעפיניציעס:

...דער טעריטאָריאַליזם איז אַ פּראָצעס, וועלכער קומט פאַר מיט אַ היסטאָרישער נויטווענ־דיקייט. דער טעריטאָריאַליזם איז אַ דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אינעם יידישן לעבן. אונדזער אייגענע אויפגאַבע איז דער טעריטאָריאַליזם אַלס אַ באַפרייענדיקער פּאָליטישער פּראָצעס. פאַר אונדז איז דער טעריטאָריאַליזם אַ פּאָליטישע פאָדערונג — דאָס איז די טעריטאָריאַלע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע.

נאָך היינט צו טאָג גייט אָן אויף דער יידישער גאַס דער וויכוח וועגן דאָ און דאָרט. אַ טייל ריכטונגען (אַנטי־ציוניסטישע), האַלטן, אַז נאָר דער קאַמף דאָ אויפן אָרט וועט פאַרענט־פערן אַלע נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער גרעסטער טייל פונם ציוניסטישן לאַגער פאַרבינדט זיינע האָפענונגען מיטן דאָרט, מיט ארץ־ישראל. מיר, לינקע פּועלי־ציון, האָבן קיינמאָל נישט געזען קיין סתירה צווישן דאָ און דאָרט. פאַרקערט, מיר האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז פאַראַן אַ סינטעז, אַ דערגאַנצונג פון די צוויי עלעמענטן פונם יידישן קיום. דער גרויסער באָראָכאָוו האָט מיט 4 צענדליק יאָר צוריק פעסטגעשטעלט, אַז ס'איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן די סטיכישע פּראָצעסן פון דער יידישער דינאַמיק און אונדזער פּלאַנמעסיקער אַרבעט דאָ און דאָרט.

...אַ צוזאַמענהאַנג אַ סטיכישער און נישט קיין געקינצלטער, אַ צוזאַמענהאַנג אַ היסטאָ־רישער און נישט קיין געאָגראַפישער, אַ צוזאַמענהאַנג אַ רעוואָלוציאָנערער און נישט קיין דיפּלאָמאַטישער.

און וועגן דער אַלוועלטלעכקייט פון דער יידישער אַרבעטער־לאַגע זאָגט באָראָכאָוו:

...די סטראַטעגישע באַזע פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס איז אומעטום גלייך אומנאָרמאַל, אומעטום גלייך אומבאַפרידיקט, פאָדערט אומעטום פון דעם יידישן אַרבעטער אַ צו גרויסע פאַרשווענדונג פון כוחות אינעם קאַמף, ווייל די עמיגראַציע־פּראָצעסן אין יידישן לעבן באַרירן

אַלע יידישע פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, און ווייל דער סטיכישער פּראָצעס פון דער קאָנצענטרירונג פון די יידישע עמיגראַנטן אין פּאַלעסטינע טראָגט דאָרט אַריבער דעם שווער־פּונקט פונם גאַנצן יידישן לעבן — אַ דאַנק דעם אַלעם וואַקסן אויס אין דער פּאַרהעלטע־ניש צו דער טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינע גלייכע, טיף־סאָלידאַרע און געמיינזאַמע אויפגאַבן פאַר אַן אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט. ביז איצט האָט קיין שום יידיש־פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי זיך נישט געשטעלט אָט די אַלע היסטאָרישע אויפגאַבן. אָנו אָט פּאַרוואָס, און אָט צוליב וואָס, מיר, פּועלי־ציון, אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין גלות און אין פּאַלעסטינע.

בער באָראָכאָוו, דער דענקער און קעמפער, דער לערער און שטראָפער, האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער בקיאות באַלויכטן די פאַרפּלאָנטערטסטע פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַר־בונדן מיטן קאַמף פון די יידישע מאַסן אין אַלע לענדער. מיט פּאַטאָס קעמפט ער פאַר די רעכט פונם יידישן פאָלק אומעטום, פונקט ווי פאַר דער פאָדערונג פון אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל.

...די איינציקע לייזונג פונם יידישן פּראָבלעם איז — צו שאַפן אַזאַ גלייכגעוויכט פון קרעפטן, ביי וועלכער אַנדערע פעלקער זאָלן נישט קאָנען מער אַזוי לייכט, אַזוי אומבאַשט־ראָפט אונדז פאַרפאָלגן. די באַזונדערקייט פון דער יידישער טראַגעדיע שטאַמט דערפון, וואָס יידן האָבן נישט קיין אייגן לאַנד.

און באָראָכאָוו רופט די יידישע מאַסן צום קאַמף:

יעדע באַפרייונג איז קודם־כל די זאַך פון די פאַרשקלאַפטע גופא. אַזוי איז דאָס מיטן אַרבעטער־קלאַס, און נישט ווייניקער איז עס אויך מיט די אונטערדריקטע פעלקער. ...די גאַנצע געשיכטע באַווייזט אונדז, אַז די יידן האָבן געקראָגן רעכט נאָר דאַן, ווען זיי האָבן עס פאַרלאַנגט. די באַפרייונג פונם יידישן פאָלק מוז זיין דאָס ווערק פון זיינע אייגענע הענט.

אין 28סטן יאָרטאָג פון בער באָראָכאָווס טויט, דאַרפן מיר נישט נאָר בויגן אונדזערע קעפּ פאַר דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון דער פּועלי־ציוניסטישער וועלט־אַנשויונג, נאָך אויך פאַרטיפן זיך אין זיינע ווערק, דערלערנען זיי, שעפּן פונם גייסטיקן קוואַל, וואָס דערמוטיקט און באַהויכט מיט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייונגס־אידעאַלן.

(א״צ לאָדזש, 1.2.1946)

## באָראָכאָוויזם — דער וועג פון פאָלק און קלאַס

קליין אין פאַרנעם איז די גייסטיקע ירושה פון בער באָראָכאָוו: ביי אַ צוויי צענדליק גרעסערע און קלענערע ארבעטן איבער דער לאַגע, גורל, געראַנגל און פּערספּעקטיוו פונעם יידישן פאָלק. קורץ איז געווען דער לעבנסוועג פון „פּאָלטאַווער גאון”: בסך־הכל 36 יאָר. אָבער בלויז אים געהערט דער באַשאַף און באַגרינדונג פונעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם, געגנוי ווי זיין פּערזענלעך לעבן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ צונויפלעכט פון אַ ליידנשאַפטלעכן קעמפער מיט אַן אָריגינעלן טעאָרעטיקער; פון אַ פלאַם־פייערדיקן רעוואָלוציאָנער מיט אַ טיפן אַנאַליטיקער; פון אַ פּראַקטישן אַרבעטער־טוער מיט אַ וויסנשאַפטלעכן קאַבינעט־פאָרשער; פון אַ טרייען זון פון אייגענעם, געפּלאָגטן פאָלק און אַן אויפריכטיקער קעמפער פאַר די רעכט פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער.

נאָר אַזאַ דינאַמישע פערזענלעכקייט ווי ער, איז געווען מסוגל, מיט 50 יאָר צוריק, צו דערלאַנגען אַ טעאָרעטישן און פּראַקטישן פּראָגראַם פאַרן אַמיינסטן פאַרשטויסענעם און אַמשטאַרקסטן אונטערדריקטן פאָלק און זיין אַרבעטער־קלאַס. געגנוג צו פאַרגלייכן די היינטיקע יידישע ווירקלעכקייט אין דער גאַנצער וועלט און אין דער מדינה, מיט דעם וואָס באָראָכאָוו האָט געשריבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, כדי זיך איבערצייגן, וויפל אָריגינעלן געדאַנק, אַנאַליטישקייט און וויזיע האָט פאַרמאָגט דער באַגרינדער פונעם אַרבעטער־ציוניזם.

ערשט אינעם ליכט פון געשעענישן און אַנטוויקלונגען אינם אַלגעמיינעם, ווי אין יידישן לעבן, דערזעט מען די פעלונפעסטקייט און אומאָפּפרעגלעכקייט פון באַראָכאָװס „קלאַסן־אינטערעסן און נאַציאָנאַלע פּראָגע״, „אונדזער פּלאַטפאָרם״, „עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק״, „אונדזער פּראָגראַם״, און אַנדערע אַרבעטן זיינע. אַ נענטער באַקענען זיך מיט באַראָכאָוו׳ס שריפטן, מוז יעדן טראַכטנדיקן מענטש דערפירן צו דער לאָגישער מסקנה, אַז אין אַלע זיינע אָפּשאַצונגען און אויספירן בנוגע דעם יידישן אַרבעטער־גראַנגל, איז ער געווען גערעכט.

ווען באַראָכאָוו האָט גערעדט וועגן נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג פונעם אייגענעם פאָלק, איז עס געווען פאַרשפּאַרט אין ענגן תחום־המושב פון פּאָליטישער דיסקרימינאַציע און עקאָנאָמישער אַרויסשטויסונג, אָן אייגענעם באָדן אונטער די פיס, בעת גרויסע פעלקער און זייערע גרויסע פירער, האָבן געפירט דעם באַפרייונגס־קאַמף אויף אייגענער ערד, ביי זיך אין דער היים.

## אַנאַליז פונעם גלות־לעבן און עמיגראַציע־פּראָבלעם

אייגנטלעך, האָבן ביז באַראָכאָוון זיך געפונען גענוג דאָקטוירים, די זנאַכערס, וועלכע האָבן דעם מסוכן־קראַנקן יידישן פאָלק, יעדער אויף זיין שטייגער, פאַרשריבן רעצעפּטן: ווער דורך אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, ווער מיט באַבסקע רפואות. בלויז ער איז דערגאַנגען צו די סאַמע טיפענישן פונם יידישן קריזיס: „דער פּאָליטישער גורל פון יידישן פאָלק מוז הענגען אין שטענדיקער אָפּהענטיקייט, אַזוי לאַנג ווי דאָס יידישע פאָלק וועט לעבן ווייט פון נאַטור און באָדן, ווייט פון דער אור־פּראָדוקציע. דער יידישער סאָציאַליזם, דער יידישער קלאַסנקאַמף, די יידישע רעוואָלוציע, וועלן שפּילן אַזאַ נישטיקע ראָל אינעם סאָציאַליזם, קלאַסנקאַמף און רעוואָלוציע פון די אַרומיקע פעלקער, וויפל די יידישע נאָדל, דער יידישער פּרעסאייזן האָבן אַ ווערט אין פאַרגלייך מיטן נישט יידישן אַקער־אייזן, מיט דער נישט־יידישער דאַמפּ־מאַשין, מיטן נישט־יידישן טראַנסאַטלאַנטיק״.

די דאַזיקע אומנאַרמאַלע דערשיינונג האָט זיך געמוזט פאַרוואַנדלען אין אַ כראָנישער קראַנקייט, וואָס אין באַדינגונגען פון אויפשטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם „ווערט די דאָזיקע יידישע קראַנקהייט נאָך קאָמפּליצירט, פאַרפּלאָנטערט און פאַרערגערט דורך דער אַרויסשטויסונג״. די שטילע, כראָנישע חולאת ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפע און פיבערהאַפטע. און הגם דאָס פאָלק האָט מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו דער פּראָדוקטיוויזירונג און נאַטוראַליזירונג פון זיין אַרבעט, איז אָבער „די סביבה אין גלות צו ענג, צו אומגינציק פאַר דעם דאָזיקן ראַדיקאַלן איבערבוי״.

דערווייל גייט אַן עמיגראַציע מעבר לים, אין גרויסע שטעט, אין באַוווסטע לענדער און פאַרוואָרפענע מדינהלעך. די ענגע גלות־סביבה וויל מען פאַרבייטן מיט דער אויסוואַנדערונג אין אַ צווייטן גלות. באַראָכאָוו געהערט נישט צו די אימיגראַנטן, ער ווייסט אָבער דעם גורל וואָס דערוואַרט זי אין די נייע אויסוואַנדערונג־ערטער: „אַט ווערט דער אימיגראַנט אַ פּראָדוקטיווער אַרבעטער און אַט ציט אים ווידער צו זיין טראַדיציאָנעלן מסחר, צו פעדלעריי, צום לייכטן לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע, צו עקאָנאָמישער בטלנות, צו עקספּלאָאַטאַציע. די יידישע וואַנדערונג, אינאיינעם מיט דער אינטענסיווער פּויפּעריזאַציע פון די ברייטע מאַסן פון דער יידישער קליין־בורזשואַזיע, אי אין אירע אַלטע וווין־ערטער, אי אין די נייע, שאַפט אַן אַלוועלטלעכע יידן־פראַגע סיי פאַר די יידן, סיי פאַר דער נישט־יידישער געזעלשאַפט״ („אונדזער פּלאַטפאָרם״). זיין אויספיר: די עמיגראַציע גיט נישט קיין ענטפער אויף דער יידן־פּראַגע, ווייל זי לאָזט דעם יידן אַ הילפלאָזן אין אַ פרעמד לאַנד.

## טעריטאָריע — די איינציקע לעזונג

אַז „דאָס יידישע פאָלק דאַרף האָבן אַ טעריטאָריע", איז ביי באָראָכאָוון אַ פשוטער און קלאָרער געדאַנק. וואָס שייך דעם אַדרעס פאַר אַזאַ טעריטאָריע, איז ער אויך אַ פשוטער און קלאָרער: ארץ־ישראל. און נישט דווקא אויס סענטימענט צום לאַנד פון די אָבות, צי אויס פּיעטעט פאַרן קבר פון דער מוטער רחל, אָדער אויס יראת־הכבוד פאַר דער כותל־המערבי. דאָ, אין ארץ־ישראל, וועלן די פּרנסה און פונקציעס פון יידישע אימיגראַנטן נישט זיין אָפּהענגיק פון דער אַרטיקער באַפעלקערונג, די יידישע אַרבעט וועט זיך נישט אַנשטויסן אויף נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ הן מצד דער אַרטיקער באַפעלקערונג, הן מצד די אימיגראַנטן; די יידן וועלן דאָרט זיין די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּראָדוקציע. באָראָכאָוו גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז אַזאַ רעגולירונג וועט ברענגען מיט זיך פאַרצויגענע קאָנפליקטן. „אוטאָפּיסטן זענען יענע, וואָס דענקען אַז אַזאַ ראַדיקאַלע איבערקערעניש אין יידישן לעבן ווי ס'איז דער טעריטאָריאַליזם, קאָן פאַרקומען אָן ביטערן קאַמף, אָן גרויזאַמקייטן און אומגערעכטיקייטן, אָן ליידן פאַר די גערעכטע און פאַר די שולדיקע. אַזעלכע רעוואָלוציעס ווערן געשריבן נישט מיט טינט און שיין־קלינגעוודיקע ווערטער, זיי ווערן געשריבן מיט שוויס, טרערן און בלוט".

דער גערעַנגל פאַר דער טעריטאָריעלער לייזונג פונעם יידן־פּראָבלעם, וועט אויך זיין באַגלייט מיט אַ שווערן, אינערלעכן קאַמף צווישן די באַזונדערע קלאַסן. אין קעגנזאַץ צו די פּרעדיקער פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, וועלכע האָבן פאַרלייקנט די קלאַסן־ליניע אינערהאַלב דעם יידישן פאָלק, האָט באָראָכאָוו בולטער געמאַכט די דאָזיקע ליניע און געזען די באַריער וואָס טיילט אָפּ דעם יידישן אַרבעטער פונעם אונטערנעמער, דעם עקספּלאָאַטירטן פונעם עקספּלאָאַטאָר. אין דער פּאָליטיש־טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע אין א"י זעט ער אַן ענד־ציל פאַרן בורזשואַזן ציוניזם, בעת פאַרן פּראָלעטאַרישן ציוניזם, איז עס בלויז אַן עטאַפּ אויפן וועג צום סאָציאַליזם. ער זעט פאַר אַ פאַרעקשנטן קאַמף צווישן יידישע אַרבעטער און קאַפּיטאַל, אויף אַלע פראָנטן — עקאָנאָמישן, קולטורעלן, פּאָליטישן.

## וועגן ציוניזם

געגנוי ווי די מנחם־מענדעלס אויף דער יעהופּעצער בערזע, אַזוי האָבן אויף דער פּאָליטישער בערזע פונעם יידישן פאָלקס־לעבן זיך באַוועגט „אידעאָלאָגן" פון רעכטס און לינקס. באָראָכאָווס שאַרפע פעדער־פּאָלעמיק איז דעריבער געפירט געוואָרן סיי קעגן דעם בירגעלעכן ציוניזם, וואָס האָט גראַד צוליב זיין קלאַסן־אידעאָלאָגיע זיך געדעקט מיטן מאַנטל פון כלל־ישראל, סיי קעגן די פאַרלייקענער פונעם יידישן אייגנאַרט — „בונד" און אַנדערע, וועלכע האָבן אונטערן מאַנטל פון רעוואָלוציאָנערע פראַזן, באַהאַלטן זייערע קאָסמאָפּאָליטישע און ליקווידאַטאָרישע איינשטעלונגען צו די גורלדיקסטע און אַנגעווייטיקסטע פראַגן פונעם אייגענעם פאָלק.

וויפיל שאַרפזין, ציווילן מוט און פאָראויסזעונג־קראַפט האָט באַדאַרפט פאַרמאָגן באָראָכאָוו, כדי מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ביים וויגעלע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַדורכפירן די גרענעץ־ליניע צווישן דעם בורזשואַזן און פּראָלעטאַרישן ציוניזם — אַ גרענעץ וואָס עקזיסטירט אויך היינט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג זיינען פאַרטראָטן די חלוצישע אַרבעטער־פּאַרטייען, צוזאַמען מיט רעליגיעזע, אַפילו רעאַקציאָנערע און אויסגעשפּראָכן רעכטע עלעמענטן, וואָס פיל פון זיי ווילן איצט רעווידירן דעם ציוניזם, דורכמאַכן איבער אים אידעישע קאַסטראַציעס. מיר רעקאָמענדירן זיי כאַפּן אַ בליק אין באָראָכאָווס שריפטן, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט פאָרשטאַנען, אַז „דער ציוניזם איז ניט קיין פּאַרטיי, נאָר אַ באַוועגונג פון יידישן פאָלק, און פונקט ווי אין אַלע פראַגן וואָס האָבן אַ שייכות צום נאַציאָנאַלן לעבן — מוזן אין ציוניזם זיך שאַרף אויסטיילן די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון די בורזשואַזע עלעמענטן".

און זיי טיילן זיך אויס אויך איצט. מפ״ם פאַדערט איינהאַלטן דעם חלוצישן גייסט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איר פאָלקסטימלעכקייט און אידעישע אָנגעלאַדנקייט, איר נאַציאָנאַלע צילבאַוווסטקייט און פראַקטישע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט.

דער דאָזיקער אלף־בית וואָלט באַדאַרפט דערגיין צום באַוווסטזיין פון אַ ריי ציוניסטישע מנהיגים. דעמאָלט וואָלטן זיי אויפגעהערט אויף יעדן צוזאַמענקונפט נאָכאַמאָל אוועקשטעלן די פראַגע פון „אויפגאַבן פון ציוניזם״, — וועלכע זענען שוין פון לאַנג אָנגעוויזן געוואָרן דורך באָראָכאָוון.

### מלחמה מיט די פאַרלייקענער

גראַד אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך געפונען פאַרטייען און אידעאָלאָגיעס, וועמענס הויפּט־אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין באַקעמפן די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פונם אייגענעם פאָלק און פירן אַ הייליקן קריג מיטן ציוניזם. די ערשטע פידל אין דעם געפעכט האָט געשפּילט דער „בונד״, און איצט די יורשים זיינע — די יעווסעקציע אין די גלות־לענדער און מק״י אין ישראל. די דאָזיקע „קאָמוניסטן״ האָבן טאַקע פאַרוואָרפן דעם בונדישן אָפּאָרטוניזם אין אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישע פראַגן, אָבער אויסגעבריייטערט און פאַרטיפט זייער ניהיליזם לגבי דעם עצם־מהות פון דער יידנפראַגע. דאָס וואָס באָראָכאָוו האָט מיט 5 צענדליק יאָר צוריק גערעדט און געשריבן וועגן „בונד״, אין ווי אָפּגעמאָסטן פאַר דער איצטיקער יעווסעקציע. מיט אַ באַזונדערן אייפער האָט ער באַקעמפט די פּרעדיקער פון אַסימילאַציע. אין זיין אַרבעט „נאַציאָנאַלע אָנמאַכט און נאַציאָנאַלע זעלבסטהילף״, געשריבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1915, לייענען מיר: „אַסימילאַציע וואָלט געוועזן די ראַדיקאַלסטע רפואה, אַזוי ווי דער טויט און זעלבסטמאָרד זיינען די ראַדיקאַלסטע מיטלען קעגן יעדער קראַנקהייט. פונדעסטוועגן האָט נאָך קיין מעדיקער אין דער וועלט ניט געהייסן היילן קראַנקע דורך פאַרסמען זיי. נאָר ביי אונדז, יידן, האָט מען די חוצפּה צו פּרעדיקן נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד פאַרן גאַנצן פאָלק״. ווי איבערצייגנדיק קלינגט זיין מיינונג, אַז „ווער ס׳האָט ניט קיין געפיל פון נאַציאָנאַלער זעלבסטווירדע, קאָן אויך ניט האָבן קיין אמתן חוש צו קלאַסן־זעלבסטווירדע. דעריבער זענען ביי די יידישע פּראָלעטאַרישע פאַרטייען די אָנפאַנג־פאָרמען פון רעאַגירן אויף זייער נאַציאָנאַלן קאָנפליקט עכט פּרימיטיוו און רעאַקציאָנער און באַגרינדן זיך נישט אויף די פאָרגעשריטענע ריין־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער פּסיכאָלאָגיע פונעם יידישן אַרבעטער, נאָר אויף די אָפּגעשטאַנענע אָנהויפונגען, אָדער קליין־בורזשואַזע, אָדער אַזעלכע וואָס באַלאַנגען צו דער איבערגאַנג־שטופע און זענען נאָך נישט קיין פולשטענדיק פּראָלעטאַרישע״.

נאָך די דערפאַרונגען מיט ביראָבידזשאַן און מיט דער „יידישער עמאַנסיפּאַציע״ אין מערב־אייראָפּע און אין אמעריקע, איז נישט בנימק קיין קאָמענטאַר צו באָראָכאָווס אָפּשאַצונג וועגן אַנטוויקלונגען און איבערגעשטאַלטונגען אינעם יידישן גלות־לעבן.

(אד״וו ת״א, 15.12.55; ע״ה בראַזיל, יאַנואַר 1955)

## צוריק צום קוואַל

דעם 17־טן דעצעמבער 1957, האָט אין ירושלים זיך אָנגעהויבן דער דערוואַרטעטער צוזאַמענטרעף צווישן די פאָרשטייער פון די דריי חלוצישע אַרבעטער־פאַרטייען. די אָנגעזאַמלטע קאָנפליקטן, גרילצן און סכסוכים צווישן די אַרבעטער־שותפים אין דער קאָאַליציע, די עפנטלעכע פּאָלעמיק און מיינונגס־פאַרשידנהייטן איבער אַ ריי יסודותדיקע און אַקטועלע ענינים, האָבן ענדלעך צונויפגעברענגט ביי איין דיסקוסיע־טיש די עיקרדיקע פאַרטנערן פון דער איצטיקער

ישראל־רעגירונג, כדי פרווון צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך און שטאַרקן די אונטער־געטרייסלטע צוזאַמענאַרבעט.

מיט נייגיר און זאָרג, מיט האָפענונג און ציטער, וואַרט דער רוב מנין ובנין אין ישראל, אַז די באַראַטונג פון מפ״ם, מפא״י און אחדות־העבודה זאָל אנצייכענען אַ נייעם, העכערן עטאַפּ אין דער אַרבעטער־שותפות, אַז די מיניסטאָרן, דעפּוטאַטן און ספּעציאַליסטן פון די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען, זאָלן געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. דער רוב אין לאַנד וויל, אַז מפא״י זאָל זיך סוף־כל־סוף באַזינען און פאַרוואַרפן איר ביזאיצטיקן וועג פון לייגן מכשולים דער רעגירונג, אין וועמענס צענטער עס שטייען די דריי חלוצישע אַרבעטער־פּאַרטייען; אַז אחדות־העבודה זאָל אויפהערן מאַנעווורירן צווישן מפא״י און מפ״ם, און אַז דער איצטיקער צוזאַמענקונפט זאָל נישט פאַרעכנט ווערן צו נאָך איינעם פון די פּרוכטלאָזע סימפּאָזיומס...

✡

העכער צוויי יאָר הערשט אין לאַנד די איצטיקע קאָאַליציע, וואָס דער אַנטשיידנדיקער כוח זענען פּאַרטייען, וועמען דער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש האָט געשאָנקען צוטרוי און געגלויבט, אַז גראָד אַזאַ רעגירונג וועט אַרויסווייזן מערער זאָרג פאַר די נויטן און אינטערעסן פונעם האָרעפּאַשניק, נייעם עולה און פּשוטן מענטש; אַז אין לאַנד וועט דאָך איינגעפירט ווערן דער חלוצישער רעזשים, אויף וועלכן אַלע דריי האָבן געגעבן זייער צושטימונג ביים אויפשטעלן די איצטיקע קאָאַליציע; אַז די הארבע שטייערן־לאַסט וועט טיילווייז אַראָפּגענומען ווערן פון די אַרבעטנדיקע שיכטן; אַז דער אויפנעם פונעם עליה־שטראָם וועט זיין מער פּראָדוקטיווער; אַז ס׳וועט ניוועלירט ווערן דער גרויסער סאָציאַלער אונטערשיד צווישן דעם באַזיצער פון דער ווילע און דעם איינוווינער פון דער מעברה; אַז סטאַבילע באַשעפטיקונג וועט געזיכערט ווערן פאַר די, וואָס ווילן לעבן פון ערלעכער פּראַצע; אַז ס׳וועט אָפּגעשאַפט ווערן דער נידעריקער און גלייכצייטיק באַליידיקנדיקער לוין פון די דחק־אַרבעטער; אַז בכלל וועט אין לאַנד זיך איינשטעלן אַן אַטמאָספער פון חלוצישן גייסט, פּרייוויליקייט און קרבנות־גרייטקייט פון אַלע אָן אויסנאַם־שיכטן, אין אַנבליק פון דער זיכערהייט־לאַגע אַרום די גרענעצן, באַוואָפענונגס־געיעג און פּאָליטישן פּאַרמעסט פון די גרויסמאַכטן אין אונדזער ראַיאָן און די פּינצטערע „מינכן״־פּלענער וועלכע וועבן זיך אַרום דער מדינה.

זענען פאַראַן אויסזיכטן אויף אַ ממשותדיקן קער?

✡

אַ קאַלענדאַרישער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראַד אין דעם טאָג ווען עס פאַלט אויס די פּערציקסטע יאָרצייט נאָכן טויט פון בער באָראָכאָוו, זאָלן ביי איין טיש זיך צונויפטרעפן מפא״י, מפ״ם און אחדות־העבודה, כדי תכליתדיק אַרומרעדן דעם ווייטערדיקן וועג פון דער רעגירונג און פון דער מדינה, וועלכע גרייט זיך פייערן דעם ערשטן צענדליאָר פון איר קיום. שווער צו גלויבן, אַז גראָד מפא״י, די עיקרדיקע באַשטימערין פון דעם טערמין, האָט טאַקע אינזינען געהאַט דעם 17־טן דעצעמבער ווי אַ באַראָכאָוו־טאָג. וואָלט דער זכר פון „פּאָלטאַוער גאון״ געדינט מפא״י אַלס דאַטע פאַר אַזאַ צוזאַמענקונפט, קאָן זיין, אַז מיר וואָלטן נישט געשטעלט אונטער אַ ספק דעם אויסגאַנג פון דער ירושלימער אַרבעטער־קאָנפערענץ. ווייל די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז וואָס ווייטער מפא״י האָט זיך אָפּגערוקט פונעם פּאָלטאַווער מקור און זיך געמאַכט פאַרגעסן אין באָראָכאָוו׳ס „אונדזער פּלאַטפאָרם״, — אַלץ מער האָבן מיר אין באַדינגונגען פון מדינה, ווי ערב איר אַנטשטייונג, געפילט די דאָזיקע פאַרלייקענונג און אָפּגרענעצונג פון יענע היסטאָרישע ווערטן, וועלכע זענען אַרויסגעבראַנגט געוואָרן אויף דער פּועלי־ציון גרינדונגס־קאָנפערענץ אין פּאָלטאַווע מיט 52 יאָר צוריק, און וואָס האָט געגעבן אַ אידעישן יסוד און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזע אַלע אָן אויסנאַם דריי אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע פאַרהאַנדלען איצט אין ירושלים ווי באַזונדערע ריכטונגען.

✡

ווער איז געווען בער באָראָכאָוו און אין וואָס איז באַשטאַנען זיין היסטאָרישער אויפטו?

קודם־כל האָט ער דער ערשטער און איינציקער יידישער אַרבעטער־פירער, אַדורכגעפירט דעם ריכטיקן אַנאַליז פון דער גלות־ווירקלעכקייט: „דער פּאָליטישער גורל פונעם יידישן פאָלק מוז הענגען אין שטענדיקער אָפּהענטיקייט, אַזוי לאַנג ווי דאָס יידישע פאָלק וועט לעבן ווייט פון נאַטור און באָדן, ווייט פון דער אור־פּראָדוקציע. דער יידישער סאָציאַליזם, דער יידישער קלאַסנקאַמף, די יידישע רעוואָלוציע, וועלן שפּילן אַזאַ נישטיקע ראָל אינעם סאָציאַליזם, קלאַסנקאַמף און רעוואָלוציע פון די אַרומיקע פעלקער, וויפל די יידישע נאָדל, דער יידישער פּרעסאייזן האָבן אַ פאַרגלייך מיט דער נישט־יידישער דאַמף־מאַשין, מיטן נישט־יידישן טראַנס־אַטלאַנטיק"... און באָראָכאָוו האָט דערפילט, אַז די דאָזיקע עקאָנאָמישע לאַגע פונעם יידישן פאָלק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כראָנישער קראַנקהייט, וואָס אין באַדינגונגען פון אויפשטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם „ווערט די דאָזיקע יידישע קראַנקהייט נאָך קאָמפּליצירט, פאַרפּלאָנטערט און פאַרערגערט דורך דער אַרויסשטויסונג". ער פאַרשטייט, אַז „דאָס פאָלק האָט מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו פּראָדוקטיוויזאַציע" און געזוכט צו מאַכן זיין לעבן, אָבער „די סביבה אין גלות איז צו ענג, צו אומגינציק פאַר דעם דאָזיקן ראַדיקאַלן איבערבוי".

אין יענער תקופה האָבן פאַרשידענע „אידעאָלאָגן" געפונען אַ „לייזונג" פאַר דער אומנאָרמאַלער לאַגע: עמיגראַציע. מ'האָט די ענגע גלות־סביבה געוואָלט אויסבייטן אויף אַ צווייטן, אפשר ברייטערן גלות. און באָראָכאָוו, אַליין נישט זייענדיק קיין עמיגראַנט, ווייסט אָבער אויסגעצייכנט די לאַגע אויפן נייעם אָרט: „אָט ווערט דער אימיגראַנט אַ פּראָדוקטיווער אַרבעטער און אָט ציט אים ווידער צו זיין טראַדיציאָנעלן מסחר, צו פּעדלעריי, צום לייכטן לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע, צו עקאָנאָמישער בטלנות, צו עקספּלאָאַטאַציע. די יידישע וואַנדערונג, מיט דער אינטענסיווער פּויפּעריזאַציע פון די ברייטע מאַסן פון דער יידישער קליין־בורזשואַזיע סיי אין אירע אַלטע וווינערטער, סיי אין די נייע, שאַפט אָן אַלוועלטלעכע יידנפראַגע סיי פאַר די יידן, סיי פאַר דער נישט־יידישער געזעלשאַפט".

ווי אַ געניטער רופא פון זיין פאָלק, האָט ער זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיטן שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז, נאָך אויך פאַרשריבן דעם נויטיקן רעצעפּט: טעריטאָריע. נאָר להיפוך צו יענע טעריטאָריאַליסטן וואָס האָבן אין „ערגעץ־לאַנד" געזוכט באָדן פאַרן פאָלק, האָט באָראָכאָוו אָן וואַקלונגען באַשטימט, אַז דאָס דאַרף זיין — ארץ־ישראל. ער האָט פאָרויסגעזען, אַז דאָ וועלן די פּרנסות און פונקציעס פון די יידישע אימיגראַנטן נישט זיין אָפּהענגיק פון פרעמדע כוחות, נאָר פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ איבערקערעניש אינעם יידישן לעבן, דאָס איבערגיין פון גלותדיקע לופט־באַשעפטיקונגען צו ערד־אַרבעט, צו אינדוסטריע, צו אַן אייגן מלוכהש לעבן, וועט נישט זיין קיין לייכטער איבערגאַנג, אָן קאָמפּליקאַציעס צי שוועריקייטן. „אַזעלכע רעוואָלוציעס ווערן געשריבן נישט מיט טינט און שיין־קלינגענדיקע ווערטער, זיי ווערן געשריבן מיט שווייס, טרערן און בלוט".

באָראָכאָוו האָט שוין דאַן פאַרשטאַנען אַדורכצופירן די שייד־ליניע צווישן דעם בירגערלעכן און אַרבעטער־ציוניזם: „אין ציוניזם (מוזן) שאַרף זיך אויסטיילן די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון די בורזשואַזע עלעמענטן".

✡

אָטאָ די דאָזיקע פאָרמולע, הגם אַן אַרויסגעברענגטע מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז אויך אָפּגעמאָסטן און גילטיק פאַר אונדזער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאַגע אין דער מדינה, וואָס קומט צום אויסדרוק אינעם וועלן פאַרווישן די קלאַסן־אונטערשיידן און

דווקא אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג — מיטן קנאַפּן שענקען די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט דעם פאַבריקס־אַרבעטער, דעם קיבוץ־חבר, דעם נייעם מושבניק, דעם אַקערשט־געקומענעם עולה, דעם בעל־מלאָכה און קליינהענדלער — בעת פּאַראַזיטן און שפּעקולאַנטן, אויפגעקומענע גבירים און קליינבירגערלעכע ציניקער, פאַרבריקאַנטן און סוחרים, ווערן פּריווילעגירט.

אַ סברה, אַז אַ טייל פון די, אַרויסגעוואַקסן פונעם פּאַלטאַווער באָדן, האָבן פאַרגעסן דעם קוואַל פון וועלכן ס׳האָבן געשעפּט גייסטיקע כוחות דער דור חלוצים, בויער און קעמפער פון די פריערדיקע עליות, כדי דערפירן דאָס פאָלק צו מלוכה׳שער זעלבשטענדיקייט, ווו ס׳זאָל הערשן מער סאָציאַלער יושר ווי ביז איצט.

וואָס וואָלט דען געווען דער מער, ווען אויך די איצטיקע ירושלימער באַראַטונג זאָל זיך אומקערן צום קוואַל פון פּאַלטאַווע; אַז די פּאַן פון באַראַכוויזם זאָל אייניקן צעריסענע אַרבעטער־מחנות; אַז דער אָנדענק פון בער באָראָכאָוו זאָל קאָנסאָלידירן די דריי פּאַרטייען אַרום די גרונט־ליניעס פון דער רעגירונג — כדי דורך ענגער צוזאַמענאַרבעט שפּאַנען פאָרויס, פאַרן ווווילזיין פונעם פאָלק און לאַנד?!

(י״ש ת״א, 19.12.57)

# אַ נישט־געהאַלטענע רעדע

צו די חברים מאיר יערי, יעקב חזן און יצחק יצחקי,

אויף דער לעצטער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מפּ״ם, פאַרגעקומען דעם 19טן מאַי 1955, בין איך געווען פאַרשריבן צום וואָרט — אָבער נישט באַוויזן אויפצוטרעטן צוליב סיבות, אומאָפּהענגיקע פון מיר. דעריבער שיק איך איבער בכתב די נישט־געהאַלטענע רעדע און וויל גלויבן, אַז איר וועט זי לייענען מיט אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט, ווייל כ׳באַריר דאָרט אַקטועלע און וויכטיקע פאַר דער באַוועגונג פראַגן.

נאָך דעם ווי די חברים מאיר יערי, יעקב אפרת און מאיר תלמי האָבן פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט געבערענגט זייער אָפּשאַצונג איבער די פאַרגעקומענע הסתדרות־וואַלן, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דאָס מעשה׳לע וועגן צעשטרייטן קינד, וואָס פלעגט יעדן אָוונט פאַרצייכענען אויף אַ פּאַפּיר די ערטער, ווו ר׳האָט אוועקגעלייגט זיין אָנטאָן, כדי עס אין דער פרי צו געפינען. איינמאָל, האָט דאָס יינגל, גלייך נאָכן אויפשטיין, איבערגעלייענט אויפן פאַרשריבענעם פּאַפּיר: די הויזן — אויפן בענקל; די שיך — אונטערן בענקל; דאָס העמדל — אויפן אָנלען פון דער שטול... אַלץ האָט געשטימט, ס׳איז געלעגן אויפן אָרט. נאָר פלוצים גיט זיך דאָס קינד אַ כאַפּ: „און ווו בין איך?״... — ווייל ער גופא האָט נישט פיגורירט אינעם צעטל.

אין זייער אָפּשאַצן דעם וואַל־אויסגאַנג, האָבן די דערמאָנטע חברים געגעבן אַ מער־ווייניק ריכטיק בילד פון אַלע פּאַרטייען — און דער חשבון האָט געשטימט: מפּא״י — אויפן בענקל; אחדות־העבודה — אויפן אָנלען; די ציונים כלליים — אונטערן בענקל. ס׳האָט בלויז געפעלט די פראַגע פון יענעם קינד: מפּ״ם? ווו איז דער טיפער אַנאַליז און אַלזייטיקע קריטיק איבערן וואַל־קאַמפּיין פון מפּ״ם גופא? ווו איז די ריכטיקע באַלויכטונג פון דער טעטיקייט פון מפּ״ם אין אירע סניפים, סעקרעטאַרן, אַקטיוויסטן, איינצלנע חברים און קעמערלעך?

ליידער, אין די דריי באַריכטן און אָפּשאַצונגען האָט געפעלט דער אַנאַליז וועגן מפּ״ם גופא. וויל איך באַרירן בלויז עטלעכע מאָמענטן, ווייל אין די ראַמען פון צוגעטיילטע צען

מינוט, איז אוממעגלעך זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויף גורלדיקע פראַגן פון דער באַוועגונג:

א) דער מיסערפֿאָלג פון מפ״ם ביי די הסתדרות־וואַלן, איז פאַר אַלעמען אַ רעזולטאַט פונעם אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס פון דער פּאַרטיי, און נישט פון וועלכע ס׳איז אידעיש־פּראָגראַמאַטישע אויפטרייסלונגען פון דער חיפה־פּלאַטפאָרם. עס פאָדערט זיך אַ יסודותדיקע ענדערונג אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, הגם אויך אויפן אידעישן געביט וואָלט געווען נייטיק צו ענדערן דעם סטיל און כאַראַקטער פון געוויסע לאָזונגען. ווײַניקער פראַזעאָלאָגישער ראַדי־קאַליזם, צי ליבע־דערקלערונגען דער וועלט פון דער רעוואָלוציע, מער פּאָזיטיקייט און באַרעכנטקייט ביים דעקלארירן טרייהייט דעם ראַטן־פאַרבאַנד, ספּעציעל אין די טעג פון באַנדונג און בשותפותדיקע סאָוויעטיש־אַמעריקאַנער באַשלוסן אין זיכערהייט־ראַט קעגן ישראל, און אין אַ צייט ווען אונדזער חבר מרדכי אורן איז נאָך פאַרשפּאַרט אין אַ טשעכאָסלאָ־וואַקישער תפיסה. נאָר צוליב אַזעלכע ווערטער זאָל איך נישט פאַרשריגן ווערן אַלס „רעכטער״, צי אָפּנויגלער, ווייל איך פון דער טריבונע דערקלערן אָן שום צווייפּנימדיקייט: טריישאַפט, אָריענטאַציע און גלויבן אין סאָציאַליזם — איז אויך איצט ביי מיר אומדערשיטערלעך. אָבער דאָס מוז נישט זיין באַגלייט מיט טאָגטעגלעכע דעקלאַראַציעס און שבועות, פּונקט ווי אַן אמתדיקן פרומער ייד שרייט נישט הויך ביים דאַווענען, נאָר איז מתפלל מיט דבקות און שטילקייט...

ב) אונדזער פּאַרטיי האָט ביי די לעצטע הסתדרות־וואַלן אדורכגעמאַכט אַ קריזיס אין שלאָג־לאָזונגען. מיר זענען נישט געווען די אָנגרייפער, די ערשטע בנוגע אַנציענדיקע, מיט־רייסנדיקע וואַל־לאַזונגען (ווי, למשל: בן־גוריון מיט זיין „חלוצישן פראָנט״ און מיקוניס מיט זיין „פּאַרייניקטן פראָנט״). מפ״ם האָט לגבי אירע פּאָליטישע קעגנערס זיך געפונען אין דעפענסיווע. יענע האָבן אויפן געביט פון וואַל־לאָזונגען אַרויסגעוויזן מער איניציאַטיוו און דערפינדערישקייט. ביי די נאָענטסטע כנסת־וואַלן מוז מען די זאַך פאַריכטן. די וואָס זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזער אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע בכתב און בעל־פּה, דאַרפן צוטראַכטן שלאָגפערטיקע, תוכנדיקע און פיל־זאָגנדיקע לאָזונגען.

ג) אין דער פּאַרטיי האָט זיך איינגעבירגערט א נישט־ריכטיקע מיינונג, אַז די נייע עליה האָט צוליב איר אומבאַוווּסטזיניקייט געשטימט פאַר מפא״י. אויב ס׳איז ריכטיק וואָס מאיר יערי האָט געזאָגט, אַז „שולדיק זענען נישט די אונטערגעקויפטע, נאָר די אונטערקויפער״ — איז דאָס חל אויך אויף מפ״ם לגבי איר טעאָריע און פּראַקטיק לגבי דער נייער עליה. דערפאַר זענען נישט אַזוי שולדיק די נייע עולים וואָס האָבן נישט געשטימט פאַר מפ״ם, נאָר מיר גופא, ווייל מ׳איז נישט געקומען מיטן ריכטיקן פּראָגראַם צו די מעברה־איינוווינער. פאַראַן ביי מפ״ם אַ קאָנקרעטער, דעטאַליזירטער פּלאַן פון אייגענער שיכון־איינאָרדענונג און דירות־בוי, באַקאַנט אונטערן נאָמען „תוכנית יצחקי״. דער דאָזיקער פּלאַן, אויב ער האָט שוין יאָ אַמאָל זוכה געווען דערמאָנט צו ווערן אין פּאַרטייאישע פּובליקאַציעס — ווערט ער אַריינגענומען אין קלאַמערן, אַנשטאָט אים פּאָפּולאַריזירן און אים פאַרוואַנדלען אין אַ צענטראַלן פּראָגראַם פאַר די מעברות־איינוואוינער און זיי מאָביליזירן צום קאַמף פאַר אומזיס־טיקן, נאַציאָנאַלן באַדן, ביליקן בוי־מאַטעריאַל און רעגירונגס־הילף צו דערגרייכן אַ מענטשלעכע וווינונג. נאָר מיר האָבן זיי געשפּייזט מיט דעקלאַראַטיווע, אָפּטמאָל פּוסטע לאָזונגען. דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן, וואָס אין פיל מעברות האָבן מיר נישט געהאַט צו פיל שטימען. דעריבער איז געקומען די צייט אַוועקצונעמען די קלאַמערן פון „יצחקי־פּלאַן״ און אים אַריין נעמען אינעם „גאָלדענעם פאָנד״ פון מפ״ם.

ד) אַז מיר ריידן וועגן דער נייער עליה, דערלויבט מיר עטלעכע ווערטער וועגן דער פּאַרטיי־פּרעסע און אויסגאַבן פאַר נייע עולים, און אין דער ערשטער ריי — די וואָכנשריפט אין יידיש „אויף דער וואַך״. דער צ. ק. מעג וויסן, אַז אין די לעצטע 7 חדשים, דערשיינט אַ צייטונג פון מפ״ם אין יידיש, נאָר די באַציונג צו דער דאָזיקער צייטונג פון די הויכע

אינסטאַנצן, ביז די אָרטיקע סניפים, איז אַ גרינג־שעצנדיקע, אַפילו אַ נעגאַטיווע. „אויף דער וואָך" וואָלט גערן מוותר געווען פון איר סטאַטוס אלס „יעווריעיסקאיא אווטאָנאָמנאָיא רעספובליקאַ" (נוסח ביראָבידזשאַן), ווייל ביי אזא לאגע דערוואַרט איר אזא סוף ווי ביראָ־בידזשאַן... ס'איז נייטיק צו פאַריינהייטלעכן און צענטראַליזירן די פּאַרטיי־אויסגאַבן פאַר אונדזערע „מינדערהייטן", דורך איינשטעלן אַן אייגהייטלעכן רעדאַקציע־אַפּאַראַט, אַדמיניסט־ראַציע און פּאַרטייאישן אַדרעס פאַרן „על המשמר", ווי פאַר דער יידישער, בולגאַרישער, אַראַבישער און רומענישער אויסגאַבן. מיר האָבן פאַרנאַכלעסיקט אונדזער אויפקלער־אַרבעט צווישן דער נייער עליה אין די שפּראַכן מיט וועלכע די עולים באַנוצן זיך ביזן היינטיקן טאָג.

ה) צוזאַמענגאַנג נאָך דעם ווי „אחדות העבודה" האָט פאַרלאָזט מפ"ם, איז מאיר יערי געקומען מיט דער לאָזונג „מיטן פּנים צום חבר". אויף דער שפּראַך פון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכ־קייט האָט עס באַדאַרפט מיינען, אַז די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער, אונדזערע פאָרשטייער אין די מוניציפּאַליטעטן, הסתדרות און אַמטן, זאָלן האָבן אַן אָפן אויער און אָפן האַרץ פאַר די טעגלעכע נויטן און באַדערפענישן פונעם חבר, אים העלפן אין זיינע דאגות, דערמעגלעכן אים גובר צו זיין ביוראָקראַטישע און אַנדערע שוועריקייטן ביים איינאָרדענען זיך. ליידער, קומט אויס אויף אַ סך ערטער צו הערן אָנקלאַגעס אויף די אָרטיקע און צענטראַלע פאָרשטייער אונדזערע, וואָס ווייזן נישט אַרויס די מינדעסטע זאָרג פאַר חברים, גלייך די דורך זיי פאַרנומענע אַמטן געהערן בלויז צו זיי — און נישט דער פּאַרטיי. אַזאַ האַנדלונג און באַציאונג איז זיך שטאַרק נוקם אין אונדז, ספּעציעל ביי וואַלן. אויסוואָרצלען דאָס דאָזיקע שלעכטס, רופן צו אָרדענונג אַזעלכע פאָרשטייער — איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי.

ו) עפּעס וועגן אונדזער וואַל־קאַמפּאַניע: געציילטע וואָכן ערב די הסתדרות־וואַלן, האָבן מיר געוואָלט לאָזן אין באַוועגונג דעם פּאַרטייאישן מעכאַניזם, הגם אין רוב פאַלן, איז ער געווען אומטעטיק, און געוויסע טיילן האָבן אַפילו גערוסטעט. די הילף פון צענדליקער און הונדערטער קיבוץ־חברים האָבן נישט געקאָנט אַ סך אויפטאָן, ווייל גראָד די חברים פון קיבוץ, ווי געניטע ערד־אַרבעטער ווייסן, אַז יעדער געוויקס פאָדערט מ'זאָל מטפּל זיין אַ גאַנץ יאָר — און נישט נאָר אין באַשטימטע טעג. די באַגרענעצטע רעדנער־צייט דערלויבט מיר נישט צו אילוסטרירן דאָס מיט ביישפּילן, אָבער וועגן איין כאַראַקטעריסטישן פאַל מעג דער צ. ק. יאָ וויסן: דאָס מפ"ם־קעמערל, אויף דעם אָרט וווּ איך אַרבעט, ציילט אַ 30 חברים. פאַר דעם לעצטן יאָר, איז דאָרט פאַרגעקומען בלויז איין פאַרזאַמלונג. דער רוב חברים איז געווען מחוץ דעם וואַל־פיבער, נישט געהאַט קיין שום פליכטן און אויפגאַבן אין די דאָזיקע שטורעמדיקע טעג. וועגן דעם האָבן גוט געוווּסט אַ ריי אַנפירנדיקע חברים.

צום סוף — אַ פּערזענלעכע דיגרעסיע: מיין איצטיקע אַרויסטרעטונג פאַרן צ. ק. קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסדרוק פון, חלילה יאוש, צי בלויזער קריטיק. טאָ זייט וויסן, אַז שוין 27 יאָר ווי כ'געהער צו א באַוועגונג, וואָס האָט כמעט ביי אַלע וואַל־קאַמפּאַניעס געהאַט אַ דורכפאַל. אין משך פון לאַנגע יאָרן בין איך דערצו געוווינט, און ס'האָט קיינמאָל נישט אונטערגעבראָכן מיין גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דער אידעע, בפרט איצט, ווען איבער 50 טויזנט שטימען זענען געגעבן געוואָרן פאַר מפ"ם. ס'מוז אָבער אַמאָל קומען אַ טאָג פון חשבון־הנפש, פון אויפריכטיקער זעלבסטקריטיק, פון אונטערציען סך־הכלען און מסקנות. איצט איז די צייט צו זען דעם אמת ווי ער איז. די קורצע צייט וואָס איז נאָך פאַרבליבן צו די כנסת־וואַלן, דאַרף און מוז אויסגענוצט ווערן אויף צו פאַרפעסטיקן די סניפים, אויסטוישן אַ ריי „פּאַרזעסענע" חברים אויף זייערע אַמטן, אַקטיוויזירן וואָס מערער חברים אין שטאַט, זיין אין כסרדיקן קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי־מאַסע און בכלל מקיים זיין אַלע מצוות פון אַ חלוצישער, רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, ענדערן איר סטיל אין דער אַרבעט. נאָר אין דעם איז פאַראַן אַ גאַראַנטיע פאַר דערפאָלגן און דערגרייכונגען.

# פון האַאג ביז תל־אביב

## אין זוכעניש נאָך אַ טעמע

ס׳האָט זיך געוואָלט עפּעס אָנשרייבן לכבוד דעם ערשטן וועלט־צוזאַמענקום פון די מפ״ם־פאַרשטייער אין די תפוצות. אַ קלייניקייט — אַזא געשעעניש! וועגן וואָס אָבער שרייבן? ווייל נאָכן באַקאָנען זיך מיטן גאַנצן מאַטעריאַל פאַרן ספּעציעלן נומער, האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז די פון פריער צוגעטראַכטע טעמע און קאָנצעפּציעס זאָלן זיין בלויז אַן איבערחזרונג, אויב נישט אַ פּלאַגיאַט דערפון וואָס די אויסלענדישע געסט און אונדזערע מיטאַרבעטער אין לאַנד האָבן צוגעשטעלט פאַרן איצטיקן נומער „אויף דער וואַך״.

ווערט אַביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרץ ווען ס׳פעלט אויס אַ טעמע... אין אַזאַ פאַל איז די בעסטע רעצעפּט — די ביכער־שראַנק. פון דאָרט קאָן קומען די ישועה. און וואָס עלטער דער ספר — אַלץ פרישער דער קוואַל, גענוי ווי מיט אַלטן וויין. אָט קוקט אַראָפּ פון דער פּאָליצע דער דיקער רוקן מיטן צוויי־פאַרביקן אויפשריפט: „יידישער אַרבעטער פּנקס״. גענומען דאָס בוך אין האַנט, אַ בלעטער געטאָן און... געפונען די אַרבעטן פון י. קענער „וואָס האָט געבראַכט צו דער אַנטשטייאונג פון פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד״ און באַלד דערנאָך ב. פעלדמאַנס (דער זעלבער י. קענער) אַרבעט „די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ״.

איבערגעלייענט די צוויי אָפּהאַנדלונגען און ס׳האָט זיך ממש געבעטן אַדורכצופירן עטלעכע פאַרגלייכן פוןביידע „אינטערנאַציאָנאַלע״ יידישע אַרבעטער־קאָנפערענצן וואָס איינע איז פאָרגעקומען אין דער האָלענדישער שטאָט האַאַג מיט קנאַפּע 49 יאָר צוריק און נאָך איינע וואָס עפנט זיך היינט אין תל־אביב.

## מיט איין בילעט אויף צוויי קאָנגרעסן

גענוי ווי דער איצטיקער 24סטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין ירושלים האָט דערמעגלעכט דעם ערשטן וועלט־צוזאַמענקונפט פון מפ״ם־פאַרשטייער, אַזוי איז דער 8טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין האַאַג געווען אַ גורם צו דער גרינדונג־קאָנפערענץ, פונעם פּועלי־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד אין יאָר 1907.

פון שטאַנדפּונקט פון „אויסשלאָגן זיך די הוצאות״ (פאַרט נישט מער ווי איין בילעט!) איז פאַראַן אַ געוואַלטיקע ענלעכקייט פון דעמאָלט ביז היינט. די דאָזיקע ענלעכקייט ענדערט זיך אָבער ראַדיקאַל, אויב פאַרגלייכן דעם צוזאַמענשטעל פון די דעלעגאַציעס, בעסער געזאָגט — די געאָגראַפיע פון די קאָנפערענצן. אַזוי צ. ב. זענען אין האַאַג אין יאָר 1907 געווען פאַרטראָטן זעקס לענדער: ארץ־ישראל, עסטרייך, רוסלאַנד, אַמעריקע, ענגלאַנד און רומעניע. אין תל־אביב, אין יאָר 1956, טיילט זיך קודם־כל אויס די צאָלרייכע ישראלדיקע דעלעגאַציע און די פאַרשטייער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, בראַזיל, מעקסיקע, טשילע, ענגלאַנד, איטאַליע, פראַנקרייך, בעלגיע און עסטרייך.

דער געאָגראַפישער צוזאַמענשטעל פון די צוויי קאָנפערענצן כאַראַקטעריזירט אַמבולטסטן די טיפע ווייטגייענדיקע ענדערונגען אינעם יידישן לעבן.

## סידניי סילווערמאַן האָט געהאַט אַ פאַרגייער

פון די 21 דעלעגאַטן צו דער האַאַגער קאָנפערענץ, זענען גאַנצע 19 געווען קאָנגרעס־דעלעגאַטן. קלאָר, אַז דער רוב פאַרשטייער צו דער תל־אביבער וועלט־קאָנפערענץ באַזיצן דעלעגאַטן־קאַרטן צום 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אַן ערנסטן שמייכל רופט אָבער אַרויס דער באַריכט פון דעם האַאַגער צונויפקום, אַז „צו איינע פון אונדזערע זיצונגען איז צוגעלאָזט

געוואָרן אויך אַן ענגלישער דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז אָבער גלייכצייטיק געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי. נאָך אַזוי ווי ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען קיין וואָרט, ווייל די קאָנפֿערענץ איז געפֿירט געוואָרן אויסשליסלעך אין ייִדיש, איז ער צו דער צווייטער זיצונג מער נישט געקומען. די איבעריקע קאָנפֿערענץ־דעלעגאַטן פֿון זייער זייט, זענען ווידער געווען אַזוי טרוד מיטן קאָנגרעס, מיט אונדזער קאָנפֿערענץ און מיטן לויפֿן פֿון איין זיצונג צו דער צווייטער, אַז מ׳האָט אַן אים אינגאַנצן פֿאַרגעסן און אַזוי אַרום אַדורכגעלאָזט אַ גלענצנדע געלעגנהייט דעמאָלט אָנצוקניפּן באַציאונגען מיט דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי".

גיי ווייס, אַז אונדזער איצטיקער חשובער סידניי סילווערמאַן האָט געהאָט זיינעם אַ פֿאַרגייער אין האַאַג, מיט 49 יאָר צוריק. נאָך סילווערמאַנ׳ס אויפֿטריט פֿאַר פֿיל טוויזנטער אין תל־אביב, די רעדע אויפֿן קאָנגרעס אַלס מיטגליד פֿון דער מפּ״ם־פֿראַקציע, דער פֿאַרטראַג אינעם ירושלימער „צוותא״־קלוב און אַנדערע טריבונעס וועלכע מפּ״ם האָט צוגעשטעלט דעם ענגלישן גאַסט, האָבן אין אַ געוויסער מאָס זיכער פֿאַריכט די עוולה לגבי דעם „פֿאַרלוירן געגאַנגענעם״ לייבאָר־טוער אין האָלאַנד מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק...

## וועלט־פֿאַרבאַנד דעמאָלט און וועלט־פֿאַרבאַנד היינט

די עצם אידעע פֿון אַ וועלט־פֿאַרבאַנד מיט 50 יאָר צוריק האָט זיך געשטיצט אויף פֿאָלגנדע הנחות:

א) ס׳איז נייטיק צו פֿאַרייניקן די פּועלי־ציון פּאַרטייען פֿון אַלע לענדער, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות פֿאַרטיידיקן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן די אינטערעסן פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־עמיגראַציע;

ב) צו פֿירן אַ זעלבשטענדיקע רעאַלע אַרבעט אין ארץ־ישראל;

ג) אָנצופֿירן דעם קאַמף פֿאַר אַ ייִדישער סעקציע אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

און איצט?

אויף דער ליניע פֿון דער מפּ״מישער וועלט־באַוועגונג, ליגט היינט די אויפֿגאַבע ווייטער צו קעמפֿן פֿאַר ייִדישע אַרבעטער־אינטערעסן אויפֿן קאָנגרעס גופא און אינערהאַלב דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג. וואָס שייך דער „זעלבשטענדיקער רעאַלער אַרבעט אין לאַנד גופא״, שטייט איצט מפּ״ם און די יוגנט־באַוועגונג פֿונעם השומר־הצעיר ביי דער מזרח־וואַנט פֿונעם פּרעכטיקן חלוצישן קאָלאָניזאַציע־ווערק און גרעסטער צאָל קיבוצים — 71 — און בתוכם דאָס מוזיניקל פֿון די גרענעץ־ישובים ביי די טויערן פֿון עזה — שדמות שיזף. און פּונקט ווי ס׳איז אין האַאַג אונטערגעשטראָכן געוואָרן די נויטווענדיקייט צו זיכערן דעם קיום און וווקס פֿון דער ארץ־ישראלדיקער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע דורך אַן אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנד — אַזוי וועט אומבאַדינגט זיין נייטיק די אַקטיווע הילף פֿון דער פֿאַראייניקטער וועלט־באַוועגונג פֿאַרן מפּ״מישן קאַמף אין ישראל גופא.

## ייִדישע סעקציע אָדער לאַנד־סעקציע

אויף דער ערשטער פּועלי־ציון וועלט־קאָנפֿערענץ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פֿראַגע פֿונעם אָנשלוס אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַזוי ווי דאָס האָט באַדאַרפֿט זיין אַן אָנשלוס אויף באַדינגונגען, האָט דאָס פֿאַקטיש געמיינט — פֿעסטשטעלן די באַציונג פֿונעם דעמאָלטיקן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם צום ייִדישן פּראָבלעם בכלל און צו די ייִדישע אַרבעטער־פּאַרטייען בפרט.

די ביוראָ פֿון סאָצ.־אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט אָפּגעוואָרפֿן די ווענדונג פֿון עטלעכע פּועלי־ציון פּאַרטייען וועגן אַריינעמען זיי אַלס ייִדישע סעקציע. דער מאָטיוו פֿונעם אָפּזאָג

איז געווען, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל איז צוזאַמענגעשטעלט לויט מלוכות און נישט לויט נאַציעס. יעדער יידיש אַרבעטער־פּאַרטיי וואָס וויל זיך אָנשליסן צום אינטערנאַציאָנאַל, דאַרף עס טאָן דורך דער אָרטיקער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי, ד. ה. — די רוסישע פּועלי־ציון דורך דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די רומענישע — דורך די רומענישע סאָציאַליסטן אאַז״וו. פּועלי־ציון האָט אָפּגעוואָרפן אַזאַ צוגאַנג, מיטן מאָטיוו, אַז דאָס יידישע אַרבעטער־פּראָבלעם איז אַלוועלטלעך און דערפאַר געוואָלט אריינטרעטן אינעם אינטערנאַציאָנאַל ווי אַ יידישע סעקציע און נישט אַלס לאַנד־סעקציע.

## „אָפּאָרטוניזם און האַלבקייט"

היינט, נאָך 50 יאָר, האָט זיך ליידער ווינציק וואָס געביטן אויף דעם געביט. אויף קאָנגרעסן און קאָנפערענצן פונעם צווייטן (סאָציאַליסטישן) אינטערנאַציאָנאַל, קומען אַלס אָבסערוואַטאָרן, פאָרשטייער פון בונד און מפא״י, כדי אַריינטראָגן פונקט קעגנזעצלעכע רעזאָלוציעס. אָבער אויך די קאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אַמאָל אַרויסגעוויזן בקיאות און יושר לגבי אונטערדריקטע פעלקער, איז געווען טויב און שטום פאַרן וויי־געשריי פונעם אמיינסטן געפּלאָגטן און גערודפטן יידישן פאָלק, פאַרלייקנדיק זיינע ספּעציפישע נויטן און שטרעבונגען אויפצושטעלן זיין נאַציאָנאַלע היים אינעם אַלט־נייעם פאָטערלאַנד. אַפילו שוין אין באַדינגונגען פון היינטצייטיקער יידישער מלוכהשקייט, האָבן קאָמוניסטישע מנהיגים נישט געוואָלט אָנער־קענען דעם קיום פון אַן אַלוועלטלעך יידיש פאָלק וואָס זאַמלט איַין זיינע גלותן אין דער אויפגעריכטער מדינה. דערפאַר גילטן אויך היינט די ווערטער פון בער באָראָכאָוו אין זיין פּראָטעסט קעגן אַזאַ צוגאַנג:

„די וויכטיקע פעלערן שטאַמען דערפון, וואָס די מיטגלידער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ זענען שלעכט באַקאַנט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. זיי דערזועגן זיך שוין נישט לגמרי צו פאַרוואַרפן די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט פון די אונטערדריקטע נאַציעס, נאָר זיי וואַגן נאָך נישט מסכים צו זיין לגמרי מיט די דאָזיקע שטרעבונגען. אומגעלומפּערטע טעותן זענען אומפאַרמיידלעך אומעטום, ווו ס׳זענען פאַראַן אָפּאָרטוניזם און האַלבקייט".

אַזאַ איז געווען די טענה פון באָראָכאָוון לגבי די נישט־יידישע סאָציאַליסטישע פירער. פאַראַן אָבער מ׳שטיינסגעזאָגטע יידישע פאָרשטייער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, קעגן וועמען ש. קאַפּלאַנסקי האָט אויף דער האַאַגער קאָנפערענץ געשיקט זיינע פיילן, באַשולדיקנדיק די דאָזיקע אַסימילירטע יידן אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט אָנערקענען אונדזערע רעכט:

„מיר וועלן גיין צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער, מיר וועלן זיך סטאַרען שיקן אונדזערע פאַרטרעטער אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וועלכער וועט איצט זיין צוזאַ־מענגעשטעלט אויפן נאַציאָנאַלן באַזיס. אַלע סאָציאַליסטן, אַחוץ די יידישע, וועלן אַוודאי אָנערקענען אונדזערע רעכט".

מה נשתנא פון יענער קאָנפערענץ אין דער האָלענדישער שטאָט? די „יידישע פירער" אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג — אונדזער היימישער שמואל מיקוניס, צי שמעון זאַכאַריאַש אין פוילן, משה כץ אין ניו־יאָרק, מ. קעניג אין פּאַריז, בערקאָ פעלדמאַן אין רומעניע אין זייערס גלייכן אין אַנדערע לענדער — טוען נאָך אַלץ פאַרלייקענען אונדזערע רעכט.

## אונטערן צייכן פון המשכדיקייט

הגם די וועלט־קאָנפערענץ פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי ווערט נומעריש באַצייכנט אַלס די ערשטע, האָט זי פונדעסטוועגן געהאַט איר בראשית אויף דער גרינדונג־

קאָנפערענץ פונעם פועלי־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד אין האַאַג מיט 49 יאָר צוריק. אַ וואַסערע עס זאָלן נישט זיין די איצטיקע חשבונות מיט אַ טייל פועלי־ציון טוער, בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז די פועלי־ציון פאַרטיי נוסח באַראָכאָוו און נוסח פּאָלטאַווע איז געווען די מאַכט פון דער גאַנצער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען. אויב טריי בלייבן דעם היסטאָרישן אמת און דער אידעע פון המשכדיקייט — איז די איצטיקע מפ״ם־קאָנפערענץ אין תל־אביב אַ ממשותדיקע פאַרזעצונג פון יענעם האַאַגער צונויפקום, ווו ס׳איז פאַרלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער ערשטער און דעמאָלט איינציקער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

המשכדיקייט מיינט נישט דווקא אַבסאָלוטע ענלעכקייט. זאָל דאָ ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן, אַז אין האַאַג איז צו יענער צייט אָנגעגאַנגען אַ האַרבער וויכוח וועגן דער באַציונג צום ציוניסטישן קאָנגרעס. ווי ס׳דערציילט יעקב קענער, האָבן זיך אָנגעצייכנט אַנטי־קאָנגרעס שטימונגען, וועלכע האָבן זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט אָנטיילצונעמען אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן. די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט במשך 30 יאָר דערווייטערט לינקע פועלי־ציון פון איר אַקטיוון אָנטייל אינעם קיבוצישן ווערק, חלוצישער הכשרה און פּאָליטישע השפעה — אַ נעגאַציע פאַר וועלכער די פאַרטיי האָט באַצאָלט אַ גאַר טייערן פּרייז.

☆

פון האַאַג ביז תל־אביב איז טאַקע פאַלג מיך אַ גאַנג, בפרט נאָך ווען דער דאָזיקער גאַנג האָט געדויערט אַזעלכע 50 יאָר פון טיף־גרייכנדיקע ענדערונגען אויף דער וועלט און אינעם יידישן לעבן. טאַקע דערפאַר דאַרפן די געשעענישן און דערפאַרונגען פאַרן לעצטן האַלבן יאָרהונדערט דינען אַלס יסוד פאַר געניויע באַהאַנדלונגען און באַשלוסן פון דער איצטיקער מפ״מישער וועלט־קאָנפערענץ, ביים גלייכצייטיקן אָפּהיטן די ירושה און שענסטע טראַדיציעס פון יענעם ערשטן צונויפקום פונעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן „אינטערנאַציאָנאַל״.

(אד״וו ת״א, 8.5.56)

## מיט געוואַגטקייט, קאָנסאָלידאַציע, שווּנג

זעלטן ווען אַן אַרבעטער־צוזאַמענקונפט אין לאַנד זאָל האָבן אַרויסגערופן אַזויפיל אינטע־רעס, רעאַגירונגען און אָפּשאַצונגען, ווי דער דריטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פאַרטיי, וועלכער האָט מיט דריי טעג צוריק זיך פאַרענדיקט אין חיפה.

אפילו די פאַרביסענע קעגנער, וועלכע האָבן ערשט נעכטן־פאַרנעכטן גערעדט און געשריבן וועגן דער כלומרשטער ירידה פון דער דאָזיקער פאַרטיי, דער כאילו טיפער אידעישער פערמענטירונג און אָרגאַניזאַציאָנעלע שוואַכקייט, האָבן גראָד אין די טעג פונעם קאָנגרעס פאַרשטאַנען — אין דער מאָס אויף וויפיל זיי האָבן געוואָלט זיין אביסל אָביעקטיוו, — אַז מפ״ם האָט ענגער צונויפגעשלאָסן אירע רייען אַ דאַנק אַ געוואַגטער, אָפענער און דעמאָקראַ־טישער אונטערזוכונג פון אַ ריי איינשטעלונגען און פאָרמולעס בנוגע אינטערנאַציאָנאַלע און אינערלעכע פּראָבלעמען, קאָנסאָלידירנדיק די פאַרטיי אידעיש און פּאָליטיש, ביים גלייכצייטיקן אַרויפירן זי אויפן וועג פון פאַרמעסט און אָנגריף.

מיר געדענקען גוט דאָס בייזוויליקע צי באַדויערנדיקע „קלאָגן חורבן״ אויף דער אָרגאַ־ניזירטער אַרבעטערשאַפט אין ישראל; אויף דערשיינונגען פון ציניזם און חוזק איבער באַוווסטזיניקע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן זייער ליבע צום פאָטערלאַנד פאַרבונדן מיטן טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר אַרבעטער־אינטערעסן; אויף דער נאָך היינט אָנגענומענער איראָניע

און געלעכטער איבער די וואָס האָבן זייער טיפן אינטערנאַציאָנאַליזם און גלויבן אין די כוחות פון מאָרגן, געזען ווי אַ באַשטאַנדטייל פון זייער ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישן „אני־מאמין". די אַטאַקעס אויפן באַוווסטזיניקן און פּאַטריאָטישן טייל פון דער היגער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט זענען געקומען סיי פון דרויסן, סיי פון אינעווייניק. פון איין זייט האָט די הערשנדיקע פּאַרטיי געפונען סוראָגאַטן פאַרן חלוצישן רעזשים מיט איר „יידישן באַוווסטזיין", מיטן אָפּשאַפן די אַרבעטער־ריכטונג אינעם שול־וועזן, דורך פּלעגן צי משלים זיין מיטן אַנטלויפן פון פּראָדוקטיווע פאַכן, דורך פּריווילעגירן די באַזיצנדיקע און לאָזן זיי אָנזאַמלען רווחים, ביים גלייכצייטיקן פאָדערן פונעם אַרבעטנדיקן מענטש ער זאָל איינציען דעם פּאַסעק. אויך די באַציונג פון ראַטנפאַרבאַנד צו אונדזערע ענינים האָט נישט ווייניק געהאָלפן צו אַנטווישונגען און האַרבע אידעאָלאָגישע קריזיסן אין דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג. ציניקער און ניהיליסטן זענען שוין גרייט געווען צו טריומפירן. עס האָט זיך אָפּטמאָל אויסגעדוכט, אַז דעם אָרט פון חלוצישער שאַפונג וועט פאַרנעמען די גאַס, דער דיסקאָטעק, דאָס קאַפע־הויז צי אַן אָפּשליסן זיך אין די אייגענע ד' אמות.

און אָט איז געקומען דער מפ"ם־צוזאַמענפאָר און באַוויזן, אַז דער הימל איז גאָרנישט אַזוי שוואַרץ ווי עס דוכט זיך. אַזאַ נאַטירלעכן ענטוזיאַזם, אַזאַ אומיטלבאַרע פרייד, אַזעלכע טיפע איבערלעבונגען ביי די 850 דעלעגאַטן און נאָכאַמאָל אַזויפיל געסט, האָט מען שוין לאַנג־לאַנג נישט געזען אויף אַרבעטער־קאָנפערענצן. ווייל דער חיפהער צוזאַמענקונפט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם פאַרביקן רעגנבויגן פון אַלע אָן אויסנאַם שיכטן, עדות און נאַציאָנאַליטעטן אין אונדזער מדינה, אירע עולים, די פּרעכטיקע קיבוצישע באַוועגונג, אירע אַרבעטער פון פאַבריק און פון פעלד, אינטעלעקטואַלן, באַרימטע פען־מענטשן און בכלל דאָס בעסערע און שענערע פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפטלעכקייט. דער עצם פאַקט, וואָס אינעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט אַראַבישע פאָרשטייער ווי גלייכע מיט גלייכע, האָט באַוויזן כלפּי חוץ און כלפּי פנים, אַז אויך אין אַזאַ אויסגעשפּראָכן ציוניסטישער פּאַרטיי ווי מפ"ם, איז פאַראַן אָרט פאַר דער פאַרשטויסענער אַראַבישער מינדערהייט.

און ווי פאַרביק, פאַרשידנאַרטיק איז דער מענטשלעכער צוזאַמענשטעל, אַזוי גרויס דער שלל פּראָבלעמען וואָס האָבן געשוועבט אין די ווענט פון דער קאָנפערענץ. עדות אויף דעם זאָגן דער וויכוח, די רעפּליקעס און באַשלוסן, וועלכע שפּרייזן נישט אַריבער איבער קיין איין ענין פון אונדזערע מלוכהשן און אַרבעטער־לעבן. אינעם וואָרט פון דער פּאַרטיי אין דער איצטיקער שעה ווערט געזאָגט, אַז די הערשאַפט־תקופה פון דער רעגירונג אין וועמענס צענטער עס זענען געשטאַנען דריי חלוצישע פּאַרטייען, האָט נישט געבערענגט מיט זיך דעם געוווּנטשענעם קער אינעם רעזשים אין לאַנד, הגם די דאָזיקע רעגירונג איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון באַנייטן שוווּנג פון עליה און בוי. דער צוזאַמענפאָר וואָרט אויף ברייט צעעפנטע טויערן פאַר עליה פון יידן פון אַלע לענדער און אַלע רעזשימען און וועט קעמפן פאַר אַ פּאָליטיק פון אומאָפּהענגיקייט, נישט־אידענטיפיצירונג, זעלבשטענדיקייט און נייטראַליטעט, כדי אָוועקנעמען די שטרויכלונגען פונעם וועג ביי יענע יידן, וואָס טרוימען זיך אומצוקערן אין פאָטערלאַנד.

בנוגע פאַרטיידיקונג־געווער פאַר אונדזערטוועגן, ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די פיינט פון ישראל באַקומען געווער און אויסשטאַטונג פון אַלע זייטן — און מיר טאָרן נישט בלייבן מיט ליידיקע הענט. פאַר פאַרטיידיקונג און זיכערהייט־באַדערפענישן האָבן מיר אַ רעכט צו באַקומען געווער פון יעדן קוואַל, פון יעדער צד, נאָר אָן פּאָליטישע באַדינגונגען.

וואָס שייך אינערלעכע ענינים, איז נישט געווען קיין מיינונג־פאַרשידנהייט אויפן צוזאַמענפאָר, אַז דער געבאָט פון דער שעה איז — אַרבעטער־שותפות, חלוצישער רעזשים, אַרבעטער־העגעמאָניע.

☆

אָן שום ספק, אַז די דאָזיקע אידעיש־פּאָליטישע דערגרייכונגען פון דער פּאַרטיי, איר מאַראַלישער דערפאָלג און אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפטוען, זענען אַ פּועל־יוצא פון דער געוואַגט־קייט מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די אינערלעכע ווי עפנטלעכע וויכוחים אַרום די טעזיסן פון מ. יערי, די קאָנסאָלידאַציע פון אירע רייען און דער באַגער פון יעדן חבר צו דערלאַנגען זיין האַנט דער באַוועגונג אין איר גערענגל.

(י״ש ת״א, 9.1.58)

# אַ שלעכטע רעקאָמענדאַציע

ערב דעם צונויפקום פונעם הויפּט־ראַט פון אחדות־העבודה—פּועלי־ציון, כדי צוו. אַנד. פּראַגן באַהאַנדלען אויך די ווענדונג פון מפּ״ם וועגן אויפשטעלן אַ בשותּפותדיקע וואַל־ליסטע צו דער פינפטער כנסת, איז באַוווסט געוואָרן דער באַשלוס פון צענטראַלן פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט פון אחדות־העבודה „צו רעקאָמענדירן דעם הויפּט ראַט אויפצוטרעטן ביי די וואַלן מיט אַ זעלבשטענדיקע רשימה״... אויב די מיטגלידער און אָנהענגער פון ביידע אַרבע־טער־פּאַרטייען, ווי אויך גרויסע טיילן אומפּאַרטייאישע מענטשן, וועמען ס׳איז נאָענט און טייער דער חלוצישער אידעאַל, זענען געווען אָפּטימיסטיש בנוגע דעם פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער ווענדונג פון מפּ״ם — איז איצט דער דאָזיקער אָפּטימיזם פאַרשוווּנדן.

אַוודאי איז נאָרמאַל, וואָס אַן ענגערע פּאַרטיי־אינסטאַנץ רעקאָמענדירט אַ ברייטערן פאָרום ריכטליניעס און באַשלוסן. אָבער אומנאָרמאַל זעט אויס דאָס פאַרלויפן דורכן סעקרעטאַריאַט דעם וועג גראַד מיט אַזאַ באַשלוס, וואָס איז נאָר אויסן אַנטקעגנצווירקן שטימונגען פאַר חלוצישער אחדות. נישט אַנדערש, ווי ענגע פּאַרטיי־אינטערעסן, קליינלעכע חשבונות און סעקטאַנטישקייט, האָבן דיקטירט דעם סעקרעטאַריאַט די דאָזיקע שלעכטע רעקאָמענדאַציע, וואָס אויב זי זאָל באַשטעטיקט ווערן דורכן הויפּטראַט, וועט זי קודם כל טרעפן דער דאָזיקער פּאַרטיי גופא.

סיי דער אינטערוויו וואָס מאיר יערי האָט געגעבן דעם קאָרעספּאָנדענט פון „למרחב״, דורך עפנטלעכע ווענדונגען אין וואָרט און אין שריפט, ביז דער לעצטער אָפּיציעלער ווענדונג, פון מפּ״ם צו אחדות־העבודה וועגן אַ געמיינזאַמער וואַל־ליסטע — האָט אַלץ געמיינט אויפריכטיקע פאַרלאַנגען ענגער מאַכן די צוזאַמענאַרבעט צווישן ביידע פּאַרטייען, ביזן שפּאַנען צוזאַמען צו דער פינפטער כנסת. אַלע ווייסן, אַז די מפּ״מישע ווענדונג איז נישט געקומען אין רעזולטאַט פון איר שוואַכקייט, ווייל זי האָט ביי די לעצטע וואַלן איבערגעשטיגן אחדות־העבודה מיט 2 מאַנדאַטן (בעת די כוחות־פאַרהעלטענישן אין דער דריטער כנסת זענען געווען: 10 אחדות־העבודה און 9 מפּ״ם), און אויך נישט אין רעזולטאַט פון אויסגעקלוגלטע מאַנעווערס נוסח מק״י צי מפּא״י. די ווענדונג איז געווען אַן אויפריכטיקע און חברישע — סיי צוליב די לעצטע געשעענישן אין לאַנד, וואָס פאָדערן אויסדריקלעך אויפצושטעלן אַ געאייניקטן חלוצישן פראָנט, סיי אויך צוליבן דראַנג צו מערער קאָנסאָלידאַציע און צוזאַמענאַרבעט צווישן די צוויי. די מיטגלידער און אָנהענגער פון ביידע פּאַרטייען און גרויסע מאַסן אומפּאַרטייאישע און נישט־אַנטשלאָסענע וויילער, וואָלטן מיט באַגייסטערונג אויפגענומען אַ דערנענטערונג און געמיינזאַמע וואַל־רשימה פון די צוויי כוחות, וואָס האָבן געהאַט אַלע שאַנסן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין דער אמתער אַלטערנאַטיווע צו מפּא״י, צו די „ליבעראַלן״, צו די רעליגיעזע און צו „חירות״. כדי אָבער צו זיין — אָדער ווערן — אַן אַלטערנאַטיווע, איז פריער פאַר אַלעמען נייטיק אַ פראָנט פון געאייניקטע כוחות, מיט אַ קלאָרן וואַל־פּראָגראַם און מיט אַן אויפריכטיקער שטרעבונג צו ענדערן.

אַ גאַראַנטיע פאַר אַזעלכע אומוואַנדלונגען האָט געקאָנט זיין נאָר אַ געמיינזאַמע רשימה

פון אחדות־העבודה—מפ״ם. אַנטקעגן דער מאַכט־גייציקער מפא״י, אַנטקעגן די אויסגעוואַקסענע אַפּעטיטן פון דער ישראלדיקער בורזשואַזיע וואָס פּוצט זיך אין ליבעראַלע פעדערן, אַנטקעגן דעם ווילן אײַנגאַנצן צו קלעריקאַליזירן אונדזער עפנטלעך און פּריוואַט לעבן, ווי עס שטרעבן דערצו די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע און אגודה, אַנטקעגן דער רעאַקציאָנערער „חירות״ — איז דער געבאָט פון דער שעה: אַ געאייניקטער פראָנט פון די לינק־סאָציאַליסטישע און חלוצישע אַרבעטער־פּאַרטייען.

דער „אייזערנער ווײַלער־פאָנד״ פון די צוויי פּאַרטייען, וואָס האָט ביי די וואַלן צו דער פּערטער כנסת, ווען מ׳איז געגאַנגען באַזונדער, דערגרייכט 127,611 שטימען (און צוזאַמען מיט דער זעלבשטענדיקער אַראַבישער ליסטע פון אחדות־העבודה — קנאַפּע 131 טויזנט שטימען), וואָלט געקאָנט פיל פאַרגרעסערט ווערן, ווען מ׳גייט צוזאַמען. אחדות־העבודה, פּונקט ווי מפ״ם, ווייסן, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ חשבון פון מאַנדאַטן, נאָר אַז הינטער דעם באַהאַלטן זיך אויך אַזעלכע באַגריפן און ווערטן, ווי: אַרבעטער־איינהייט, חלוצישער פּראָנט, אַלטערנאַטיווע, געשטאַלט פון דער מדינה, אידעישקייט אַנשטאָט קאַריעריזם, סאָציאַלער יושר אדג״ל. מיטן פּאַטאָלן באַשלוס פון סעקרעטאַריאַט, ווערן מיטאַמאָל אומגעוואַלגערט די האָפע־נונגען און טרוימען פון די, וואָס האָבן געוואָלט זען אַ געאייניקטע און געשטאַרקטע חלוצישע מחנה.

אַ שווערע היסטאָרישע אחריות האָט אויף זיך גענומען דער סעקרעטאַריאַט פון אחדות־העבודה מיט זיין רעקאָמענדאַציע וועגן גיין אַליין צו די וואַלן. מיר וועלן זיין צופרידן, אַז די דאָזיקע שלעכטע רעקאָמענדאַציע פון סעקרעטאַריאַט, וועט דער פּאַרטיי־ראַט אָפּוואַרפן.

(י״ש ת״א, 30.3.61)

# די לעגענדע יצחקי

טיפער טרויער האָט באַהערשט די טויזנטער חברים, וועלכע האָבן באַגלייט חבר יצחקי אין זיין אייביקער רו. אַפילו אויסגעפּרוווטע אַרבעטער־קעמפער האָבן זיך נישט געקאָנט באַהערשן צוליבן גרויסן פאַרלוסט און פון צייט צו צייט זיך צעכליפּעט ווי קליינע קינדער, וואָס האָבן אויף אַן אכזריותדיקן אופן פאַרלוירן זייערע הייסגעליבטע טאַטע־מאַמע. אין יעדנס האַרץ האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, גלייך מיט יצחקי׳ס טויט וואָלט אַוועק אַ שטיק אייגענער איך, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן. באַזונדערס דערשיטערט און פאַריתומט האָט זיך דערפילט די אַלטע, טרייע גוואַרדיע זיינע מיטקעמפער און מיטגייער: די וואָס האָבן אים געקאָנט פון דער נאָענט און מיט אומבאַגרענעצטן צוטרוי געקוקט אין זיינע קלוגע, פינקלדיק צעשמייכלטע אויגן און פון זיינע געלאַסענע ווערטער געשעפּט דער־מוטיקונג: די וואָס האָבן אים געגלויבט אָן פאַראורטיילן, אָן חשדים און נאָך יעדן געשפּרעך מיט אים זיך דערפילט געלייטערטע, דערהויבענער, קאָמפּסלוסטיקער.

☆

די טירן פון זיין קליינעם אַרבעטס־חדר אין ועד הפּועל פון דער הסתדרות און פון סובלאָקאַטאָרישן צימערל אין יד־אליהו, זענען געווען ווי זיין האַרץ, אויגן און אויערן, געווען אָפן פאַר יעדן איינעם וואָס האָט געוואָלט זיך מיט אים אַדורכשמועסן. רעדנדיק מיט יצחקין, האָסטו שטענדיק געהאַט דאָס מחיהדיקע געפיל, אַז ער הערט דיך, פאַרשטייט און איז גרייט צו העלפן. דעריבער זענען טאָג־טעגלעך דערשינען פאַר אים אָקערשט־געקומענע עולים, אַרבעטער־ותיקים, איינוווינער פון די מעברות, אַראַבער פון ווייטן גליל צי נגב, פּראָמינענטע אַרבעטער־טוער, געסט פון אויסלאַנד און סתם יידן. דער דאָזיקער פילפאַרביקער פעכער פון

מענטשן האָט ביי יצחקין געזוכט ראַט און טאַט אין קאָמפּליצירטע ווי אין זייער פּשוטע פּראָגן. אָן פאַלשער העפלעכקייט, האָט ער אויפגענומען דאָס געזאָגטע און דערקלערט פּראָבלעמען אַזוי ווי ער פאַרשטייט זיי, נישט פאַרבאַהאַלטנדיק גאָרנישט פון זיינע מיינונגען און אָנשויאונגען פאַר וועלכע ער איז אַזוי פעלזנפעסט געשטאַנען. זיינע אויפקלערונגען, אַפילו מ׳איז מיט זיי נישט מסכים געווען, האָבן אָבער אַרויסגערופן דעם טיפסטן דרך־ארץ און אָפּגעשוואַכט דערווידערונגען. מ׳האָט געוווּסט, אַז יצחקי׳ס רייד זענען די אמתע „דברים היוצאים מן הלב״. ביי אים האָט מען געפונען דאָס וואָס ס׳פעלט אַ סך פערזענלעכקייטן: שלימות, גאַנצקייט, פולקאָמענהייט. באַזיצנדיק אַזאַ ריזיקן אוצר פון טעאָרעטישן וויסן, זייענדיק אויסגעקאָכט און אַריינגעטאָן אין דער קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטיק פון דער גרויסער וועלט און אונדזער קליינער מדינה, האָט ער דאָך געפונען פיל פיל געדולד, צייט און עמפּינדלעכקייט אויף קליינטשיקע, כלומרשט נישט־וויכטיקע ענינים.

✡

דער יצר־הרע פון כבוד־זוכעריי האָט אויף יצחקין נישט געהאַט די מינדעסטע שליטה. ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך ביליקער רעקלאַמע און פּאָפּולאַריטעט, נישט געשטופּט זיך אויבנאָן. דער דאָזיקער גייסטיקער ריז איז אָן שום ספק געזעסן ביי דער מזרח־וואַנט, אָבער אָוועקגעזעצט דורך אַנדערע, דורך די וואָס האָבן אים ריכטיק אָפּגעשאַצט און זיך דערקענט אויף זיינע מעלות־טובות. ער גופא האָט זיך נישט געקימערט וועגן כבוד און באַשיינפּערלעכע דערנידעריקונגען אויפגענומען מיט פילאָזאָפישער רויקייט און פּראָלעטאַרישער ווירדע. זיין באַשיידענע קליידונג און פאַפּירענער קאָנווערט אַנשטאָט אַ לענדערנע טעקע, האָבן פולשטענדיק האַרמאָנירט מיט דער עניוות פון זיין כאַראַקטער. קיין פּערזענלעך לעבן האָט פאַר אים קיינמאָל נישט עקזיסטירט און ער האָט וועגן דעם מיט קיינעמען נישט גערעדט. ערשט די צייטונג־ידיעות צומאַרגנס נאָך דער לוויה און די טרויער־מודעות אין טאָג פון דער פּטירה וואָס זענען פונאַנדערגעקלעבט געוואָרן אויף די תל־אביבער גאַסן, האָבן געוווּסט צו דערציילן זאַכן, וועגן וועלכע מען האָט נישט אָנגעהויבן וויסן: אַז בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט יצחקי פּרייוויליק געקעמפט אין דער יידישער זעלבשוץ און אין דער „רויטער־גוואַרדיע״; אַז ר׳האָט שטודירט יורי אויף דער פּאַריזער סאָרבאָנע, און מאָלעריי — אין דער „בצלאל״־שול אין ירושלים; אַז מיט העכער 30 יאָר צוריק האָט ער פון קושטא אָנגעפירט מיט עולים־טראַנספּאָרטן און אומלעגאַלער געוועהר־ליפערונג פאַר דער „הגנה״; אַז די בריטישע מאַנדאַטן־מאַכט האָט אים עטלעכע מאָל פאַרשפּאַרט אין תפיסות און אין לאַגערן אויף לענגערע טערמינען; אַז ר׳האָט זיך באַטייליקט אין אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־צוזאַמענקונפטן און מוטיק אַרויסגעטרעטן מיטן פועלי־ציוניסטישן וואָרט: אַז ביזן לעצטן אָטעם־צוג פון זיין לעבן, האָט ער פאַרנומען גאָר וויכטיקע אַמטן אין די סאַמע חשובסטע אינסטאַנצן פון דער מדינה (כנסת־דעפּוטאַט), ציוניסטישער באַוועגונג (מיטגליד פון אַקציאָנס־קאָמיטעט), אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, — (מפ״ם, הסתדרות, פריינטשאַפט־ליגע ישראל — פסס״ר, שלום־באַוועגונג און אַנדערע). און נאָך עפּעס האָט מען זיך דערוווּסט: אַז זיין פאַמיליע־נאָמען איז לישעווסקי, אַז ער האָט נאָך אַלטע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברודער — אַ זאַך וואָס האָט אויסגעזען מאָדנע און ניי אַפילו אין די אויגן פון זיינע נאָענטע חברים.

ווען יצחקי וואָלט ביים לעבן באַקומען מעדאַלן און אויסצייכענונגען פאַר זיינע פאַר־דינסטן, וואָלט ער קיין איינעם פון זיי נישט אָנגעטאָן אויף דער ברוסט. דער דאָזיקער „באַנטשע שוויג״ ביים לעבן פאַרן אייגענעם איך, דער נסתר און נזיר, האָט ביי אונדזערע באַדינגונגען געהאַט אַלע שאַנסן „פאַרגעסן״ צו ווערן. אַ גליק, וואָס ער האָט געהערט צו דעם טיפּ נזירים וואָס שליסן זיך נישט אָפּ אונטער דיקע מאַנאַסטיר־מויערן, נאָר גיבן אַוועק זייער לעבן דעם כלל — דעם פאָלק און קלאַס.

גראַד י. יצחקי, דער ותיק־שבותיק אין לאַנד, וועלכער איז מיט 33 יאָר צוריק געקומען אַהער און דאָ געווען פאַרוואָרצלט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, האָט דער ערשטער און איינציקער דערזען די גרויסקייט און האַרבקייט פונעם פּראָבלעם, וואָס הייסט — פאָלקס־טימלעכע מאַסן־עליה זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. די שטאַרק איבערגעלעבטע פרייד פון אויפגעפּראַלטע עליה־טויערן איז אים צעשטערט געוואָרן מיטן געשפּענסט פון די מעברות. זיין וואַרעם האַרץ און וואַכזאַם אויג האָבן שנעל אויפגעכאַפּט די אַלע געפאַרן פון וועגעטירנ־דיקן לעבן פון הונדערטער טויזנטער עולים אין צעלטן, ביידלעך און באַראַקן, ביי באַדינגונגען פון אַרבעטלאָזיקייט, הונגער און קולטורלאָזיקייט. ער האָט גלייך אָנגעוויזן אויף די פאַקטאָרן וועלכע האָבן דערפירט צו אַזאַ צושטאַנד. אים, דעם ערשטן און איינציקן, געהערט די וווּנדער־באַר־טרעפלעכע אינהאַלטסרייכע דעפיניציע קנכ״ישע בורזשואַזיע, דער סאַמע פּאַראַזיטישסטער שיכט אין דער מדינה, וואָס האָט מיט דער הילף פון מאַניפּולאַציעס און שפּעקולאַציעס מיט באָדן (קרקע), אומבאַוועגלעכע גיטער (נכסי־דלא־ניידי), פינאַנסן (כספים) און אימפּאָרט (יבוא) — אָוועקגערויבט פון דער עליה באָדן פאַר שיכון. אין זיין גלענצנדער אַרבעט „רויב און שווינדער״ — אָדער „קלאַסן־קאַמף אין ישראל״, שילדערט ער די גוואַלדיקע מעגלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר דער מדינה אַ דאַנק דער מאַסן־עליה אין די יאָרן 1948—1951. נאָר אָנשטאָט אַ קאָנסטרוקטיוון עליה־אויפנעם, האָט דער הערשנדיקער רעזשים געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַרן אויפשטייג פון דער קנכ״ישער בורזשואַזיע, ביי אַ וואַקסנדיקער נויט פון מאַסן עולים. באַגלייך מיטן טיפן טעאָרעטישן אַנאַליז איבערן סאָציאַלן פּראָבלעם פון דער נייער עליה, ברענגט יצחקי אַ פּראַקטישן פּלאַן פון אויפשטעלן פאַרן יעדן מעברה־איינוואוינער אַ גוטן, ביליקן דאַך איבערן קאָפּ, דורכן צוטיילן אומזיסט נאַציאָנאַלן באָדן, ביליקן בוי־מאַטעריאַל, צוגענגלעכן קרעדיט און אייגענע אַרבעט פון די, וואָס ווילן זיך בויען זייער וווינונג.

אויב אין רמת־השרון זענען טאַקע אויפגעשטעלט געוואָרן דירות פאַר עולים אַ דאַנק אייגענער אַרבעט, אומזיסטיקן באָדן, צוגענגלעכן קרעדיט און ביליקן בוי־מאַטעריאַל — איז עס דער אויסשליסלעכער פאַרדינסט פון יצחקי׳ס וויזיע און טאַט.

די זעלבע דערשיינונג זעען מיר ביי יצחקין אויף אַ צווייטן, נישט ווינציקער פילבאַרן פונקט אין לאַנד: באַציונגען מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג. ער ווייסט, אַז פעלקער־פאַרברידערונג און יידיש־אַראַבישע דערנענטערונג מוז מען אויך דערגרייכן מיט פּראַקטישע מעשים. ער האָט יאָרן געקעמפט פאַר אויפשטעלן אַ הילפס־קאַסע פאַרן אַראַבישן אַרבעטס־מענטש — ביז זיין טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. און ווער נאָך ווי ער האָט איבערגע־לעבט די פרייד, ווען אין אַן אַראַביש דאָרף אין גליל האָט זיך באַוויזן דער ערשטער טראַקטאָר פון דער אַראַביש־חלוצישער יוגנט.

אַלס לייטער פון דער אַראַבישער אָפּטיילונג ביי דער הסתדרות, האָט ער פון דער נאָענט געלערנט דאָס פּראָבלעם פון דער אַראַבישער מינדערהייט אין דער מדינה, די מיליטערישע פאַרוואַלטונג, באַגרענעצטע באַוועגונג־פרייהייט און אַלגעמיינע אונטערדריקונג־פּאָליטיק וואָס גראָבט בלויז טיפער דעם תהום צווישן ביידע פעלקער, בעת ער האָט מיט זיין גאַנץ וועזן געשטרעבט אַריבערצוואַרפן אַ בריק צווישן די יידן און אַראַבער. דעריבער איז געווען אַזוי נאַטירלעך, וואָס נאָך זיין ארון זענען מיט פאַרקלעמטע הערצער נאָכגעגאַנגען אַראַבישע האַרעפּאַשניקעס און ביי זיין אָפענעם קבר האָט מען אויך געהערט אַ הספד אין דער אַראַבישער שפּראַך, וועלכע איז אים נישט פרעמד געווען ביים לעבן. זי האָט כמעט יעדן טאָג אָפּגעקלונגען אין זיין אַרבעטס־צימער אין ועד הפועל. דאָס האָבן אַראַבישע פעלאַכן, גענוי ווי יידישע

אַרבעטער, זיך אָראָפּגערעדט פון האַרץ. און ער, מיט זיין ליכטיק־צעשמייכלט, נאָר ערנסט פּנים האָט געהערט, געפרעגט און — געענטפערט. מיט זיין דריבנעם קאַליגראַפישן שריפט פלעגט ער אין אַ דיקן העפט פאַרצייכענען ציפערן און פאַקטן וועגן באָדן־רויב אין אַראַבישן דאָרף, וועגן דיסקרימינאַציעס לגבי דעם פעלאַך אין גליל און דעם בעדואינער אין נגב. אַ סברה, אַז ר׳האָט געגרייט אַ יסותדיקע טעאָרעטישע אַרבעט איבערן אַראַבישן פּראָבלעם.

☆

מיט יאָרן צוריק, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט פאַר פּועלי־ציון חברים אין חוץ־לארץ עקזיסטירט אַ יצחקי־לעגענדע און אַ יצחקי־ווירקלעכקייט. די לעגענדע, אונטערגעהאַלטן דורך דער אָפיציעלער אָנפירונג מיט דער הילף פון פּרעסע, ביולעטינען, צירקולאַרן און ...פּליסטער־פּראָפּאַגאַנדע מצד ארץ־ישראלדיקע שליחים, האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז יצחקי איז כאילו באַהערשט פון אַ שפּאַלטערישן שד וואָס רק ער צעברעכט פּועלי־ציון, מאַכט חרוב די באַוועגונג, צעשטערט אירע פּראָגראַמאַטישע יסודות און שלעפּט די פּאַרטיי אין אָפּגרונט, ווילנדיק דעם באַראַכאָוויזם צופּאַסן צום רעפאָרמיזם.

יצחקי איז נישט געווען דער אָפּטער „שליח" און „דעלעגאַט" קיין אויסלאַנד. ער איז ווינציק געקומען אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די פּועלי־ציון פּאַרטייען אין די תפוצות — און דערפאַר איז יאָרן לאַנג מעגלעך געווען צו פלעגן די דאָזיקע לעגענדע, וואָס האָט בלויז פאַרקריפּלט זיינע אָנשויאונגען און אין אַ פאַלש ליכט אַוועקגעשטעלט די איינציק ריכטיקע באַראַכאָוויסטישע ירושה וואָס איז מיט אַזויפיל יסורים און דערהויבנקייט אויסגעטראָגן געוואָרן דורך אים. ער האָט קיינמאָל נישט איינגעזען וועלכע ס׳איז סתירה צווישן דער טריישאַפט און אָריענטאַציע אויף דער וועלט פון רעוואָלוציע און צווישן עכטן פּאַטריאָטיזם צום אייגענעם לאַנד, ווען ס׳איז נאָך געווען אַ מדינה אונטערוועגנס. נישט רעזיגנירנדיק אויף אַ האָר פון די מאַרקסיסטישע פּרינציפּן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט ער גלייכצייטיק געצייכנט אַ פּראָגראַם פון קאָנסטרוקטיוון צושטייער פאַרן בנין הארץ, ווי איינע פון די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אומעטום. ער האָט די גאַנצע צייט געקעמפט קעגן יענע כלומרשטע רעוואָלוציאָנערן אין דער פּאַרטיי און פון זיי געפאָדערט יאָ אָנטייל נעמען אין ציוניסטישן קאָנגרעס, אויפשטעלן הכשרה־פּונקטן אין אויסלאַנד און קיבוצישע ישובים אין לאַנד, נישט באַקעמפן עברית און סטימולירן די עליה פון אייגענע חברים. בלויז אין יאָר 1939 האָט יצחקי זוכה געווען צו דער אָנערקענונג פון זיינע איינשטעלונגען, אָבער ביי די וואָס האָבן זי ענדלעך אויפגענומען און פּרובירט פאַרווירקלעכן, איז צעטרייסלט געוואָרן דער צווייטער ווינקלשטיין פון פּועלי־ציון — אמונה אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. אַנדערע ווידער זענען אַוועק נאָך ווייטער — געזוכט אידעישע אכסניה ביי דער קאָסמאָפּאָליטישער מק״י, פאַרלייקנדיק אויף אַ גרויזאַמען אופן דעם עצם קיום פון אונדזער וועלט־פאָלק.

אַזוי האָט מפא״ישער רעפאָרמיזם און יעווסעקישע ליקווידאַציע אוועקגענומען דעם באָדן פון אונטער די פיס ביי די וועלכע זענען נישט געגאַנגען מיט באַראַכאָוויסטישן דרך־המלך, אויף וועלכן עס האָט געשפּאַנט יצחקי. אין די יאָרן פון אויפטרייסלונגען, קריזיסן, יידישן חורבן, מדינה־אויפשטייג, גראָמיקאָ־דעקלאַראַציע און ערענבורגס בריוו, משפּט פּראַג און פּראָצעס איבער בעריאן — האָט יצחקי, ווי אַ גראַניט־פעלז אין דער מיט פון אַ צעשטורעמ־טן ים — אויסגעהאלטן די אָנגריפן, געבליבן נאָך שטאַרקער, געלייטערטער, קאָמפּסלוסטיקער. בלויז דאָס גליענדיקע האַרץ האָט נישט אויסגעטראָגן די שפּאַנונג, דעם אָנשטרענג, די גייסטיק־פיזישע אַרבעט — און אַזוי פּלוצים, אַזוי פּריצייטיק אויפגעהערט קלאַפּן.

און די וואָס האָבן געקאָנט יצחקין פון דעם נאָענט, ווייסן, אַז דער דאָזיקער „שפּאַלטער" האָט געציטערט איבער דער אייניקייט פון אַרבעטער־קלאַס און איבער דער אייניקייט פון

זיין פּאַרטיי, ווען ער האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן. וויפל מי און איניציאַטיוו ער האָט אַרויסגעוויזן ביים צונויפבּרענגען אונטער איין דאַך צומערשט לאחדות עבודה מיט פּועלי־ציון און שפּעטער ביים אויספאָרמירן די פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי — מפּ״ם און ביים באַשטימען איר אידעישן וועג (פּלאַטפאָרם יערי־יצחקי). זיין לעבנס־אידעאַל איז געווען — אַ גרויסע, שטאַרקע, רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי אין לאַנד, מיט אויסשטראַלנדיקער השפעה אויף די יידן אין דער וועלט.

שוין זייענדיק אין לאַנד, האָבן מיר זיך געקאָנט איבערצייגן אין דער פאַלשקייט פון דער יצחקי־לעגענדע בנוגע זיין גערעגל פאַרן אידעישן וועג פון דער באַוועגונג. איצט, נאָך זיין טויט, ווען מיר זענען אַלע אַזוי מוראדיק פאַריתומט געוואָרן, איז נייטיק אויסצושמידן אַ נייע יצחקי־לעגענדע וואָס זאָל פאַר אונדזער דור און זיין נאָכוווקס דערציילן וועגן דער דאָזיקער ליכטיקער פּערזענלעכקייט וואָס האָט מיט זיך סימבאָליזירט אומפּשרותדיקן קאַמף, האַרציקע מענטשלעכקייט, אידעישע אָנגעלאָנדקייט און פּראַקטישע טעטיקייט.

די לעגענדע יצחקי, זיין וויזיע און טאַט, זיין אידעען־וועלט און ליבע צום מענטש — וועט אייביק לעבן.

(אד״ו ת״א, 29.9.55)

# אַ גיבור איז דערגאַנגען צו גבורות

איך וויל פון פאַרויס בעטן סליחה און מחילה ביי מיין גוטן חבר און פריינד פּנחס שניאורסאָן, וואָס בפירוש קעגן זיין ווילן, נעם איך ווידער די פעדער אין האַנט, כדי צו שרייבן וועגן אים — די דאָזיקע אָריגינעלע געשטאַלט פון דער ישראלדיקער מענטשן־פּאַנאָראַמע, וואָס האָט די טעג זוכה געווען צו דערגיין צו גבורות — „אַלט ווערן" 80 יאָר. נישט על־פּי־טעות נעם איך אַריין אין גענדזנפיסלעך די צוויי ווערטער אַלט ווערן, ווייל איך שטעל זיך נישט פאָר, אויב ביי נאָך עמעצן, וואָס האָט שוין הינטער זיך אַכט צענדליק יאָר, זאָל דער קאָפּ אַזוי וווּנדערבאַר נאָך אַרבעטן, ווי דאָס קומט פאָר ביי אונדזער בעל־היובל.

און פאַר וואָס דאַרף ער מיר מוחל זיין? כדי ענטפערן אויף דער פראַגע, מוז איך ציטירן אייניקע שורות פון מיינעם אַן אַרטיקל אין „ישראל־שטימע" מיט 10 יאָר צוריק לכבוד שניאורסאָנס 70 יאָר. אָט מיט וואָס כ'האָב אָנגעהויבן יענעם מאמר („אַ ׳יידישער בוים׳ איז אַלט געוואָרן 70 יאָר״):

„פּנחס שניאורסאָן איז די טעג אַלט געוואָרן 70 יאָר. שרייבן וועגן דעם — דאַרף מען. אָבער שרייבן וועגן זיך — לאָזט נישט דער בעל־היובל, ווייל אים זענען פרעמד און אָפּשטויסנדיק זעלבסט־רעקלאַמע, כיבודים, באַנקעטן און אויבנאָנס. אין אַזעלכע פאַלן מוז מען אים שטעלן פאַר אַ געשעענעם פאַקט, אַז זיין וויסן אַריינשמוגלען אַ ידיעה, אַ נאָטיץ, צי אַ מאמר. און ווען שניאורסאָן לייענט דאָס איבער אין צייטונג — פאַרדריסט אים בפירוש דער אָפּגעגעבענער כבוד... ער וואָלט גערן „געטוישט די מעטריקע", נישט אויף צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ מער יינגערן, נאָר כדי אויסמיידן אַ יובל פון 50, 60 צי 70 יאָר. אומצאָליקע פריינד, חברים און פאַרערערס וואָלטן גערן זיך משמח געווען מיט שניאורסאָנען און טאַקע ביי געדעקטע טישן, באַגריסט און געווינטשן אים ביז 120 יאָר און דערביי אַרויסגעברענגט פיל אומבאַקאַנטע און גאָר ווייניק באַקאַנטע עפּיזאָדן פון זיין פילפאַרביק, אינטערעסאַנט און קעמפעריש לעבן. ער אָבער לאָזט זיך נישט פאַנגען אין דער נעץ פון יובל־מסיבות, גורם זייענדיק דערמיט אַנטוישונג און פאַרדרוס זיינע חברים, און גרויס הנאה — זיך אַליין..."

די דאָזיקע ווערטער זענען ביז גאָר רעלעוואַנטיש און אַקטועל אויך איצט, נאָך 10 יאָר. אויף וויפל ס׳איז ריכטיק דער זאָג „ווי איינער צו זיבן, אַזוי צו זיבעציק״, אַזוי איז שניאורסאָן פאַרבליבן צו די אַכציק, ווי ר׳איז געווען ביי די זיבעציק: דער זעלבער, ממש פאַרביסענער קעגנער פון געבורטסטאָג־מסיבות, צי יובל־באַנקעטן. ווי זאָגט מען ביי יידן: „אַזאַ משוגענער״...

אין דער „משוגעת״ איז אָבער פאַראַן אַ ליניע, ממש — אַן אידעע פאַר באַשיידנקייט, צוריקגעהאַלטנקייט, ערלעכקייט; נישט שטופּן זיך צו דער מזרח־וואַנט, נישט לאָזן זיך שטאַרק אָנזען.

שניאורסאָן איז דער מאַן פון דער צווייטער עליה, וועמענס אויסערלעכער אויסזען און אינערלעכע שלימות האָבן אין יעדער וואָרט און באַוועגונג אויסגעדריקט קרעפטיקייט, געזונטקייט, פולבלוטיקייט. שניאורסאָן האָט הינטער זיך צענדליקער יאָרן אַרבעט און קאַמף אין ארץ־ישראל; ער פאַרקערפּערט אין זיך אַ מין גבורהשאַפט, יאַדערדיקייט, פאַרהאַרטעוועט־קייט, שוין אָפּגערעדט פון לויטערן אידעאַליזם.

פון סוף 1948, דאָס יאָר פון מיין עולה זיין אין ישראל, איז מיר אויסגעקומען פון דער נאָענט צו אָבסערווירן די דאָזיקע אייגנאַרטיקע געשטאַלט און ס׳האָט מיר פאַרשאַפט אויסער־געוויינלעכע פרייד און הנאה, ווען תמיד איז דערשינען דער זעלבער פנחס שניאורסאָן ווי כ׳האָב אים דערקענט אין פוילן, אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. כ׳וועל זיך ווידער דערלויבן אַ ציטאַטע פונעם דערמאָנטן אַרטיקל מיינעם מיט 10 יאָר צוריק:

„אין יאָר 1932 האָט שניאורסאָן באַזוכט פוילן אַלס גאַסט ביי די לינקע פועלי־ציון. אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז מיט העכער 30 יאָר צוריק פאָר־געקומען אין לובלין. בדרך־כלל זענען שליחים פון ארץ־ישראל געווען עקזע־קוטיוו־מיטגלידער, הסתדרות־טוער, קאָנגרעס־דעלעגאַטן, באַוווּסטע ציוניסטישע מנהיגים. דאַקעגן שניאורסאָן איז פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס... פּאַסטעך! יאָ, אין יענע יאָרן האָט ער אין ארץ־ישראל געפּיטעט טשערעדעס שאָף. זיין הויכער וווּקס, שטילע רייד און האַרציק־מענטשלעכע באַציונג האָבן אויף אַ זעלטענעם אופן האַרמאָנירט מיט זיין באַרוף. ער האָט נישט געזוכט קיין עפנטלעכע טריבונעס און גרויסע זאַלן, אָבער זיינע אַרויסטרעטונגען אויף געשלאָסענע פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, צי אויף יוגנט־צוזאַמענטרעפן, האָבן פאַרמאָגט מער אינ־האַלט ווי די באַמבאַסטישע רעדעס פון געוויסע פּראָפעסיאָנעלע שליחים...״

די ביאָגראַפיע פון אונדזער בעל־היובל דעקט זיך אינגאַנצן מיט דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל זינט דער צווייטער עליה. אַלס 15־יאָריקער בחור קומט ער אַהער פון אוקראַינע און מיט חלוצישן ענטוזיאַזם אַרבעט ער אויף די פעלדער פון גליל, שליסט זיך אָן אינעם ערשטן פאַרטיידיקונג־קערן פונעם ישוב, אין „השומר״ און צוזאַמען מיט ישראל און מאַניע שוחט, זייד, גלעדי, קאַלוואַריסקי און אַנדערע, באַשיצט מען דאָס לאַנד מיט דער ביקס און מען באַאַרבעט עס און מען בויט — מיטן אַקער און האַמער. יעטוועדע געשיכטע פון יענע העראָאישע יאָרן איז ווי אָפּגעמאָסטן פאַר שניאורסאָנען. בעת דער באַרימטער שלאַכט אין תל־חי, ווען פון אַן אַראַבישער קויל פאַלט דער לעגענדאַרער יוסף טרומפּעלדאָר, איז שניאורסאָן דער וואָס נעמט איבער די ווייטערדיקע אָנפירונג פון יענער היסטאָרישער שלאַכט — ביזן ענטגילטיקן נצחון.

אָבער נישט שטענדיק האָט שניאורסאָן אָפּגעהאַלטן נצחונות. זיין אינהאַלטרייך און שטורמיש לעבן אין פועלי־ציון, דערנאָך אין מפ״ם, צוליב די אָפטע שפּאַלטונגען און רייסערייען, האָבן דעם וועטעראַן און אידעאַליסט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג גורם געווען נישט ווייניק דורכפאַלן און אַנטוישונגען. אָבער אַזאַ טיפּ ווי ער, וואָס האָט העלדיש איבערגעטראָגן די פּייניקונגען פון דער טערקישער פּאָליציי, די רדיפות פון דער בריטישער מאַנדאַטאַרן־מאַכט און די פאַרשידענע גלגולים פונעם יידישן ישוב, ביז ער האָט זוכה

געווען צו דער מדינה, ווי אויך אין די לעצטע יאָרן — וועט זיך נישט איינברעכן. זיין צונאָמען ביי די שומרים איז דאָך געווען עוקאַליפּטוס, נאָר כדי אים אידענטפיצירן מיט דעם שטאַרקן, ברייט־צעוואַקסענעם בוים, וואָס איז מסוגל צו שלאָגן טיפע וואָרצלען אומעטום. און דאָס טאַקע כאַראַקטעריזירט שניאורסאָנען — שורשדיקייט, קראַפט.

אַפילו איצט, ווען ער ליגט אין שפּיטאָל נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע, שלאָגט פון דעם דאַזיקן יידן מיט כוח, מיט גבורה. די לשון־קודשדיקע באַצייכענונג גבורות (אַז מען דערגייט צו די אַכציק יאָר), איז טאַקע אָפּגעמאָסטן פאַר אונדזער גיבור, ווי ס׳וואָלט זיך באַשטע־טיקט דער פּסוק:

ככל שהאדם גדל, כן גדלה גבורתו — „וואָס מער דער מענטש וואַקסט, אַזוי וואַקסט אויך זיין גבורה״. זאָל דער דאַזיקער ווונטש מקויים ווערן אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן פון דעם „עוקאַליפּטוס״ פּנחס שניאורסאָן.

(י״ש ת״א)

## פּאַרטייען, וואַלן, פּאָליטיק

### א

לאָמיר זיך זאָגן דעם אמת: די שטימונג ביים עולם צו באַטייליקן זיך אינעם וואַל־אַקט צו דער כנסת און מוניציפּאַליטעטן — איז נישט קיין געהויבענע. גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג זענען ביי דער מיינונג, אַז כל־זמן מיר געפינען זיך אין אויסנאַם־צושטאַנד, וואָלט געווען אַ יושר ווידער אַמאָל אָפּצולייגן די וואַלן, ביז אַ שטילקייט אויף די פראָנטן און אַ באַרויקונג פון די געמיטער. כדי אָבער אָפּצושטופּן דעם עלעקטאָראַלן אַקט, איז נייטיק די הסכמה פון דער קאָאַליציע און אָפּאָזיציע צוזאַמען, נאָר דער עיקר פון דער אָפּאָזיציע. דעריבער וועלן דעם 31סטן דעצעמבער גערופן ווערן צו דער אורנע 2 מיליאָן 37 טויזנט 171 וויילערס — אויב אונדזערע שכנים וועט זיך ביז דאַן נישט פאַרגלוסטן נאָך אַ „רונדע״. דערווייל האַלטן מיר ביי דער זשענעווער שלום־קאָנפערענץ און לאָמיר גלויבן און האָפן, אַז אָנהייב יאַנואַר 1974 וועט די איצטיקע רעגירונג באַקומען אַ ווייטערדיקן מאַנדאַט אויף די נאָענטסטע 4 יאָר.

מען דאַרף אָבער מודה זיין, אַז דער אומווילן צו די איצטיקע וואַלן איז אַ פּועל־יוצא נישט נאָר פון דער באַזונדערער לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך, נאָר דרינגט אויך אַרויס פון אַן אַלגעמיינער איינשטעלונג קעגן פּאַרטייען, קעגן פּאָליטיק, קעגן וואַל־פּאַרמעסטן. אונדזערע יידן זענען אַ גאַר ענגן שייכות צווישן וואַלן, ווי אַ פונקציע פון פּאַרטייען אַדורכצו־פירן זייער פּאָליטיק, פאַרווירקלעכן זייערע אידעאַלן פאַר וועלכע מ׳האָט געקעמפט און מ׳קעמפט אַ גאַנצן באַוווסטזיניקן לעבן.

דערווייל זענען מיר עדות פון אַ באַשטימטער אַנטווערטונג פון אידעאַלן, פון אַן אָפּגע־שוואַכטער אמונה און גרינגשעצונג לגבי געזעלשאַפטלעע כוחות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה און געלאָזן טיפע שפּורן ביזן היינטיקן טאָג. צוליב דעם מערקט זיך אויך אַ כסדרדיקע ירידה אין דער פּרעקווענץ וויילערס צו דער הסתדרות, שטאָטישע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען און כנסת. ווייל דאָס אַריינלייגן דאָס שטימצעטל אין דער אורנע (אָדער אָפּהאַלטן זיך דערפון) איז אַ גוטע געלעגנהייט זיך „נוקם צו זיין אין די פּאַרטייען״, אָפּטאָן זיי אַ שפּיצל פאַר די כלומרשטע אַנטווישונגען, וועלכע זיי האָבן גורם געווען ביי זייערע אַמאָליקע אָנהענגערס.

### ב

ווי געזאָגט, האָט דער דאַזיקער פּראָצעס זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. די מיניסטעריומס און קלענערע מלוכהשע אַמטן האָבן איבערגענומען די פונקציעס

און אויפגאַבן פון וואָלונטערע אָרגאַניזאַציעס און יחידים. דער אַפּאַראַט און דער באַאַמטער זענען געוואָרן דער אַדרעס צו דערליידיקן טאָג־טעגלעכע ענינים פונעם בירגער, מיט וועלכע ס׳האָט פריער זיך באַשעפטיקט די הסתדרות, די פּאַרטיי, דער געזעלשאַפטלעכער טוער. למען האמת, האָבן אויך געוויסע פירערכצן פון מנהיגים און אייניקע נעגאַטיווע דערשיינונגען ביי די פּאַרטייען געשאַפן פאַר זיי אַ שלעכטן נאָמען און אימאזש. מ׳האָט אָנגעהויבן קוקן מיט פאַרדאַכט און מיט באַוואָרענישן אויף אידעאַלן און אויף די פּאַרטייאישע טרעגערס זייערע.

וואָס שייך יענע אַרבעטער־עלעמענטן אין לאַנד וואָס האָבן געוואָלט מיטגיין מיטן שטראָם, באַרייכערן זיך, ווערן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק — איז זיי אַוודאי נישט שווער אָנגעקומען דאָס אָוועקוואַרפן די „פּאַרטייאישע טלית־און־תפילין” וואָס האָט זיי געגעבן אַ געפיל פון באַפרייען זיך פון פּראָלעטאַרישע געוווינהייטן און איינשטעלונגען און אויך פאַרלייכטערן דעם וועג פון אַריבערשפרייזן אין צווייטן, בירגערלעכן לאַגער. די איבער־וויגנדיקע מערהייט אַרבעטער איז אָבער געבליבן אויף די אַלטע פּאָזיציעס, הגם אויפן אידעישן פראָנט איז פאָרגעקומען אַן אָפּקילונג, פאַרביטערונג און טיילמאָל אויך — אַן אַנטוישונג, באַזונדערס אין טאָג פון וואַלן. אַ נישט קליינע שולד פאַר דעם צושטאַנד אינערהאַלב די ראַדיקאַלע אַרבעטער־קרייזן טראָגט דער ראַטנפאַרבאַנד, וועמנעס פּאָליטיק בימי סטאַלין, נאָך זיין טויט און באַזונדערס די איינזייטיקע שטיצע פאַר די אַראַבער און העצע קעגן מדינת ישראל אין די לעצטע יאָרן, האָבן געגעבן זייער וואָגיקע אַרגומענטן אויף אָפּצוטרייסלען זיך פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן און פּאַרטייען און דערפירט צו אַ פאַר־קלענערטע צאָל שטימען פאַר די לינקע אַרבעטער־פּאַרטייען. אַזעלכע אַנטוישטע יידן זענען גרייט צו פאַרוּרטיילן אַלע פּאַרטייען, אָדער אַריינפאַלן אין אַ צווייטן עקסטרעם — אַנשליסן זיך אין רעכטע, רעאַקציאָנערע פּאַרטייען און אַפילו זיך איינשפּאַנען אינעם אַקטיוון קאַמף קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. ביישפּילן דערפאַר פעלן נישט אויס ביי אונדז אין לאַנד, ווי אין דער גרויסער וועלט.

נאָר זיי אַלעמען כאַראַקטעריזירט, בדרך כלל, אַ ווידערווילן צו פּאַרטייען בכלל.

ג

אַזאַ סאָרט ייִד דערמאָנט דעם יורד פון ישראל, וואָס אויף צו באַרעכטיקן זיין פאַרלאָזן דאָס לאַנד, דערציילט ער נאָר וועגן שאָטן־זייטן און געפינט נישט קיין איין גוט וואָרט פאַר דער מדינה. ירושלים, תל־אביב, חיפה, רמת־גן, די קיבוצים און מושבים — איז איין שטיק סדום. דער יורד פון ישראל און דער יורד פון אידעישע ווערטן זעען אַלץ אויף שוואַרץ. דער לעצטער מאַכט זיך אויך פאַרגעסן אַ וואָסער ראָל פּאַרטייען האָבן געשפּילט (און דאַרפן נאָך שפּילן!) אינעם יידישן לעבן אומעטום און וויפל אויסשטראַלנדיקע ליכט עס פאַרמאָגט נאָך די יידישע מדינה פאַרן פאָלק אין ישראל און אין די תפוצות.

ווי אַזוי וואָלט אויסגעזען יידיש לעבן פאַרן היטלעריסטישן מבול, אין די שוידערלעכע מלחמה־יאָרן און דער געראַנגל פאַר אַ יידישער מדינה, ווען נישט די פאַרשיידענע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע אידעאַלן, מיט דער התלהבות פון די מיטגלידער, מיט די פאַרפולטע לאָקאַלן און קלובן אין די שטעט און שטעטלעך אין דער פאַרמלחמהדיקער אייראָפּע, ווו עס האָט געברויזט און געשפּרודלט אַ געזעלשאַפטלעך לעבן מיט אַזוי פיל אינהאַלט, גלויבן, ראָמאַנטיק און האָפענונג ? עס בעט זיך ממש צו דערמאָנען כאָטש אייניקע ביישפּילן פון יידישער וויזיע און טאָט, וועלכע האָבן געקענט געבוירן ווערן נאָר אויפן באָדן פון פּאַרטייען און אידעישע באַוועגונגען:

די יידישע זעלבשוץ אין פּשיטיק, וואָס האָט אין מערץ 1936 אָפּגעשטויסן מיט אַזוי פיל גבורה די אַנטיסעמיטישע מעסער־העלדן און אַפילו צעטריבן אַ יאַריד מיט פויערים — איז געשאַפן געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון די יידישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געווירקט

אין יענעם קליינעם שטעטל. אויך אין געטאָ וואַרשע איז דער ערשטער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד־כּוח קעגן די דייטשן — דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט — געשאַפן געוואָרן דורך פאַרשטייערס פון פאַרטייען. אינעם אַפּריל־אויפשטאַנד האָבן זיך באַטייליקט צוואַנציק קאָמפּס־גרופן, צונויפגעשטעלט פון פאַרטייען, וואָס האָבן געפירט זייער אומלעגאַלע און געפאַרפולע טעטיקייט הינטער די וואַרשעווער געטאָ־מויערן. אויך דאָס באַנייטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע לעבן אין פּוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט באַקומען שווונג און אינהאַלט נאָר אַ דאַנק דעם וואָס די טראַדיציאָנעלע יידישע פאַרטייען האָבן זיך צוריק איינגעשפּאַנט אין דער אויפבוי־אַרבעט.

אויך איצט, אין די תּפוצות, חזרט זיך איבער אַן ענלעך בילד. די וואָס האָבן אין דער אַלטער היים באַלאַנגט צו וועלכער ס׳איז פּאַרטיי צי אָרגאַניזאַציע, שפּינען ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדעם פון יידישע אַקטיוויטעטן אין ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס, פּאַריז, מעלבורן און לאָנדאָן. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז די „פּאַרטייאישע אוניווערסיטעטן" פון יידישע יונגטלעכע אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, לאָדזש און קראָקע, און אין די הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע פאַרן גרויסן חורבן, זייער חלוצישע הכשרה און אומדערשיטערלעכער גלויבן, האָבן געגעבן זייער אַנטשיידנדיקן צושטייער אויפצושטעלן דגניה און יד־מרדכי, גבעת ברנר און מרחביה. נאָר אַ דאַנק יענער אידעאַליסטישער יוגנט וואָס האָט ביזן אַנטשטיין פון דער מדינה זיך באַזעצט אין דער וויסטעניש — איז דורך דער אונ״אָ געצייכנט געוואָרן די מאַפּע פונעם חלוקה־פּלאַן מיט 26 יאָר צוריק.

אויך די מדינה אונטערוועגס האָט זיך געבויט און געפירט מיטן כּוח פון פּאָליטישע באַוועגונגען. און די געזעלשאַפטלעכע כּוחות וואָס שטייען ביים רודער שוין 25 יאָר פונעם קיום פון דער מדינה, האָבן עס גורם געווען דערצו, אַז מ׳זאָל אויפנעמען העכער אַנדערטהאַלבן מיליאָן עולים פון עטלעכע זיבעציק לענדער, אַנטוויקלען דאָס לאַנד עקאָנאָמיש, מיליטעריש, קולטורעל.

ד

דעריבער איז פּאַרט נישט צו פאַרשטיין, הלמאַי אַזאַ פּסיכאָז פון קריטיקירן און אַרונטער־רייסן פּאַרטייען און זייערע אַנפירנדיקע חברים, וואָס האָבן אָוועקגעגעבן און גיבן אַוועק זייער צייט, ענערגיע און געזונט פאַר געוויסע אידעאַלן. אויך באַנעמען נישט די מענטשן, אַז ליקווידאַציע פון פּאַרטייען מיינט — אונטערגאַנג פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס קאָן נאָר פאַרביטן ווערן אויף דיקטאַטור, אויף דער הערשאַפט פון איין פּאַרטיי און איין פירער.

אַוודאי דאַרף מען נישט אידעאַליזירן די פּאַרטייען און טענהן, אַז זיי זענען פריי פון יעטוועדן פּגם. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז זיי זענען שוין געוואָרן אַן אַנאַכראָניזם, אַן אָפּגעלעבטע זאַך. נישקשה, אויך היינט, איז די זיבעציקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַפילו ווען מ׳האָט שוין דערגרייכט די לבנה און די טעכנאָלאָגיע מיט קאָמפּיוטאָרס הייבן אָן פאַרטרעטן דעם מענטש — האָט די ראָל און אויפגאַבן פון די פּאַרטייען זיך נאָך נישט געענדיקט. פאַראַן פאַר זיי אַ ברייט פעלד פון באַנייטע אידעאַלן און מעשים.

אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט נייע עולים פון רוסלאַנד, האָט איין פרוי מיר פאַרגעוואָרפן, אַז „אין ישראל זענען פאַראַן 18 פּאַרטייען... ס׳איז ממש צום לאַכן!" מיין ענטפער איז געווען, אַז ס׳איז גלייכער צו לאַכן ביי 18 פּאַרטייען, איידער וויינען ביי איין־און־איינציקער פּאַרטיי, ווי זי איז עס געוווינט געווען אין ראַטנפאַרבאַנד, פונוואַנען זי איז ערשט נישט לאַנג געקומען. אמת, צו די איצטיקע כּנסת־וואַלן האָבן זיך טאַקע צוגעשטעלט אַ קנאַפּע 20 ליסטעס, נאָר בעצם ווירקן אין ישראל דריי פּאָליטישע פאָרמאַציעס: דער בירגערלעכער לאַגער, דער רעליגיעזער און דער אַרבעטער־לאַגער. הגם די דריי זענען צונויפגעשטעלט (אָדער פונאַנ־דערגעטיילט) פון פאַרשיידענע פּאַרטייען און גרופּירונגען, שטעלט אָבער יעדע איינע פון

זיי פאַר, אין אידעיש־פּאָליטישן זין, אַ באַשטימטע גאַנצקייט. ביי זייער אַ סך פראַגן וועלן זיי אין כנסת און ביי אַנדערע געלעגנהייטן שפּאַנען צוזאַמען.

בכלל איז די אַלגעמיינע טענדענץ אין ישראל צו ווייטערדיקע קאָנסאָלידירונגען, ווי דאָס איז געשען אין די לעצטע יאָרן מיטן מערך און ליכוד. די שפּאַלטונגען ביי מק״י, שי״ח, העולם הזה, שוואַרצע פּאַנטערס, צי די וואַל־ליסטעס פון אבנר שאקי און שולמית אלוני, זענען גיכער אויפן פּערזענלעכן באַדן און האָבן ווייניק צו טאָן מיט אידעישע פּראָבלעמען. אָן שום ספק, אַז אויך אַזעלכע דערשיינונגען פון שפּליטערן און שפּאַלטונגען שאַפן די אומגינסטיקע אַטמאָספער אַרום פּאַרטייען און זייער פּאָליטיק.

ה

ווי באַוווּסט, האָט טאַקע פּאָליטיק אַ שלעכטן שם און אַ סך נעגאַטיווע באַגלייט־דערשיינונגען. פון דעסטוועגן העלפט זי פאָרט דערגרייכן דאָס מעגלעכע — און נישט דאָס געוווּנטשענע. אויב אַזוי, שטייט די איצטיקע וואַל־קאַמפּאַניע צו דער כנסת אונטערן צייכן פונעם מעגלעכן — און נישט פון געוווּנטשענעם. אַוודאי וואָלט געווען געוווּנטשן, ווען דער וואַל־פּאַרמעסט פירט זיך נאָר איבער סאָציאַלע פּראָבלעמען פון לאַנד, וועגן אַ חלוצישן צי אַן אויסגעשפּראָכן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, וועגן אויפנעם און איינאָרדענען עולים, וועגן דערמעגלעכן אומזיסטיקע העכערע בילדונג פאַר אָרעמע קינדער. און נאָך בעסער וואָלט געווען — ווען די אַלע פראַגן געפינען אויך אַ באַלדיקע לייזונג. נאָר דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרן, ווען דער ענין זיכערקייט, מלחמה אָדער שלום, וואָלטן נישט פאַרנומען דעם אויבנאָן אינעם באַוווּסטזיין, געפיל און ווירקלעכקייט פון דער מדינה. בפרט איצט, אין די טעג פון דער זשענעווער קאָנפערענץ, ווען דער רעכטער לאַגער קלאַמערט זיך נאָך אַלץ ביי זיין פאַרפירערישער און נישט רעאַלער לאָזונג נישט אָפּצוגעבן קיין איין שפּאַן ערד וואָס איז פאַרנומען געוואָרן אין יוני 1967 — אַ לאָזונג, וואָס פאַרמאַכט אַלע אָפּציעס פאַר אַ פרידלעכער לעזונג פונעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. דאַקעגן דער מערך, די קאָאַליציע פון דער אַרבעט־פּאַרטיי און מפּ״ם איז ביי דער מיינונג, אַז דער צונויפטרעף אין זשענעווע, נאָך 25 יאָר מלחמות און באַזונדערע צוזאַמענשטויסן, איז פאָרט אַ שאַנס, אַ האָפענונג, אַ פּערספּעקטיוו צו דערגרייכן דעם שלום פאַרן פּרייז פון אַ טעריטאָריאַלער פּשרה.

די דאָזיקע אָנטשיידונג, וועלכע דערוואַרט אונדז דעם 31סטן דעצעמבער ה. י. איז צו ערנסט, וויכטיק און גורלדיק, אַז מען זאָל זיך קענען דערלויבן דעם לוקסוס פון בלייבן אין דער היים, אָדער „אָפּטאָן דעם בעל־עגלה" און אַריינלייגן אַ ווייס צעטל, צי שטימען פאַר אַ מיניאַטור־ליסטע, וואָס האָט נישט די מינדעסטע שאַנסן מיט איר איינעם אָדער צוויי מאַנדאַטן עפּעס־וואָס צו ענדערן — נאָר כדי פּרווון שאַפן פאַר זיך אַן „אַליבי" קעגן דעם וואָס די פּאַרטייען טויגן נישט, די פּאָליטיק איז פאַרפירעריש און די וואַלן זענען אַ בלאָף... אָ, דאָסמאָל איז עס באמת אינגאַנצן עפּעס אַנדערש! ווייל די פראַגע מלחמה און שלום איז נישט בלויז אַ נאָמען פון טאָלסטויס היסטאָרישן ראָמאַן, נאָר די צענטראַלע טעמע פון דער איצטיקער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער כנסת. (י״ש ת״א, 19.12.73)

# אין געיעג נאָך כבוד און בענקלעך

מיט אַ צייט צוריק האָבן די צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז וויקטאָר שם־טוב, כנסת־דעפּוטאַט פון מפּ״ם און ראַטמאַן פון ירושלימער שטאָט־ראַט, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין געוויילטן אַמט אין דער מוניציפּאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון דער הויפּטשטאָט. די מאָטיוון פון דער רעזיגנאַציע: די געזעלשאַפטלעכע אַמטן וועלכע ח׳ וויקטאָר פאַרנעמט, באַזונדערס

זיין אַרבעט אין דער כנסת און דאָס באַטייליקן זיך אין די זיצונגען פון איר פינאַנס־קאָמיסיע, דערמעגלעכן אים נישט צו דערפילן זיינע פליכטן און אויפגאַבן אַלס שליח־ציבור פון ירושלימער ווילער. און נאָך עפּעס שרייבט שם־טוב: „דאָס פאַרנעמען דורך אַ געזעלשאַפטלעכן טוער מער ווי איין געזעלשאַפטלעכן אַמט, וואָס פאָדערט אַ שטענדיק ווידמען זיך די ענינים פון בירגער, איז אין אַ סך פאַלן פוגע אין די דאָזיקע ענינים״.

מיר האָבן נישט געהערט, אַז ווער פון די הונדערטער און הונדערטער עסקנים, טוערס, אַקטיוויסטן, מנהיגים פון גרויסן און קלענערן קאַליבער, וועלכע זענען באַלאָדן מיט אַ פינף, צען און מערער אַמטן אין פאַרשיידענע אינסטאַנצן און אינסטיטוציעס, זאָלן האָבן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון וויקטאָר שם־טוב. אַדרבה, די דאָזיקע יידן, מיטן גרעסטן כבוד פאַר זייער מי און שווערער פראַצע, זענען אָבער גרייט צו נעמען אויף זיך נאָך אַן אַמט, נאָך אַ בענקל — כדי ניט נאָר אָנהענגען אויף זיך אַ צוגאָבלעכע שליחות, נאָר אויך (און אפשר — דער עיקר) אָנטאָן זיך נאָך אַ שליפע, באַקומען נאָך אַ טיטול.

וואָס איז דאָ אויסצובאַהאַלטן? אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט זיך פאַרוואָרצלט אַ שלעכטער מינהג: אַנשטאָט פאַרטיילן אַ 20 געזעלשאַפטלעכע אַמטן צווישן, ווינציקסטנס, 15 מיטגלידער פון אַ פאַרטיי, אָרגאַניזאַציע, געזעלשאַפט, לאַנדסמאַנשאַפט, — באַלאָדן זיך צוויי דריי חברים מיט אַזויפיל „בענקלעך״, אַז ביי זייער בעסטן ווילן, זענען זיי ניט אימשטאַנד צו דערפילן אַפילו אַ דריטל פון די אויפגאַבן וואָס מ׳האָט אויף זיך גענומען (אָדער מ׳האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט).

„צו פיל כבוד איז אַ האַלבע שאַנד״ — זאָגט אַ פאָלקסווערטל. פונדעסטוועגן לאָזט זיך מערקן אַ ווילד געיעג נאָך דער דאָזיקער „האַלבער שאַנד״. פּרובירט אַזאַ יידן, וועלכער באַטראַכט זיך ווי אַ גאון אין עסקנות, בלויז פאַרלייגן ער זאָל מוותר זיין כאָטש פון איין אַמט, ווייל ס׳וואָלט געווען אַ יושר, אַז נאָך עמעץ זאָל פאַרגיטיקט ווערן פאַר זיין טריישאַפט און אַקטיוויטעט — איז ער גרייט מיט רוגזה צוואַרפן אַלע אַמטן, אַפילו פאַרלאָזן די באַוועגונג. אים קומט אַלץ, ער איז גרעסער, טאַלאַנטפולער פון אַנדערע, אויף די אומצאָליקע אַמטן און פאָזיציעס; ער האָט אויף זיי אַ חזקה, ממש אַ פּריוואַטער קנין. אַזאַ ייד ווערט קיינמאָל ניט זאַט פון כבוד!

☆

צווישן דער חיפהער אָרגאַניזאַציע פון מפא״י און די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער פאַרטיי, מיטן סניף תל־אביב בראש, האָט תמיד געהערשט אַ ברוגז־שפּיל, אַנטאַגאָניזם און קידער־ווידער. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אידעאָלאָגישע סיבות האָבן געשאַפן די מחלוקת, נאָר די פראַגע פון „באַעוולהן״ חיפה מיט איר פאַרטרעטערשאַפט אין כנסת, ווייל די דאָזיקע שטאָט האָט געגעבן מערער שטימען ווי תל־אביב... לעצטנס איז דער סיכסוך דערגאַנגען צו אַן אָפּענעם ויתרוצצו: חיפה טענהט, צי מוז מרדכי נמיר, בירגערמייסטער פון תל־אביב, זיין אויך כנסת־דעפּוטאַט. דאָס זעלבע — בנוגע אהרון בעקער, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות. שוין־זשע איז אין דער העכער 300 טויזנט קעפּיקער תל־אביב פאַראַן אַזוי ווייניק אַרבעט פאַר נמירן, אָדער איז פאַר אהרון בעקער נישטאָ, וואָס צו טאָן ביי דעם מיליאָן הסתדרות־מיטגלידער — אַז זיי האָבן גענוג פרייע צייט צו זיצן אין אונדזער פאַרלאַמענט? דער טרויעריקער אמת איז אָבער דער, אַז אין כנסת ווערן די וויכטיקסטע געזעצן אָנגענומען ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ העלפט דעפּוטאַטן, אַמאָל אויך — ווייניקער, אָדער עפּעס מערער. אַזוי אויפן פּלענום, ווי אויף די קאָמיסיעס. (דערציילט ד״ר יוחנן בדר, כנסת־דעפּוטאַט פון גח״ל, אַז צו די זיצונגען פון דער פינאַנס־קאָמיסיע, וועלכע ציילט 19 חברים, קומען נישט מער ווי 8—9).

אַזעלכע בילדער זעען מיר אינעם רוב אינסטאַנצן אין לאַנד. מיר געדענקען די תקופה

פון ערב די וואַלן צום תל־אביבער שטאָט־ראַט. אַלס קאָנקורענט צו נמירן צו ירשנען דעם אַמט פון שטאָט־פּרעזידענט, האָט זיך געשטעלט מרדכי שטערן פון גח״ל. ער האָט זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירן אין די צייטונגען, פּלאַקאַטן און צוגעזאָגט משיחס צייטן, ווי נאָר ער און זיין פּאַרטיי וועלן באַקומען אַ מערהייט. קיין סך צו דער מערהייט האָט נישט געפעלט — אָבער ראש־העיר איז שטערן נישט געוואָרן. נו, נו, האָט דער דאָזיקער ייד העכער אַ יאָר צייט נישט באַזוכט קיין איין זיצונג פון שטאָט־ראַט, אַז לויטן געזעץ איז אַוועק געשטעלט געוואָרן די פראַגע פון באַזייטיקן אים אַלס ראַטמאַן. ס׳איז אים קוים געלונגען אָפּצושרייען די גזירה. איין אַרגומענט האָט ער געהאַט אַ ריכטיקן: נישטאָ קיין צייט!...

אויף דעם טאָקע קלאָגט דער נביא... כּאַנגל אין צייט — איז די אַנטי־געזעלשאַפטלעכע קרענק, מיט וועלכער עס זענען אָנגעשטעקט יענע עסקנים, וואָס לויפן און יאָגן זיך נאָך כיבודים און אַמטן, פאַרגעסנדיק דערביי אין אַלטן יידישן ווערטל, אַז צו פיל כבוד — איז אומכבוד. ס׳איז אָבער אַן אומכבוד נישט נאָר פאַר די באַלאַדענע און באַהאַנגענע מיט אַמטן, אָבער אויך פאַר יענע ערנסטע, אחריותפולע אינסטאַנצן, וואָס אַמאָל, צוליבן דרוק פון דעם קאַנדידאַט, אַמאָל צוליבן „אָפּדינען״ מיט אַ טובה („לויב דו מעך, איך לויב דעך — ביידע זענען מיר פון איין צעך״), אַמאָל צוליבן אומווילן און מידקייט צו זוכן אַן אַנדערן מענטשן און נאָך איינעם־צוויי אריינציען אינעם קרייז פון אַקטיוויסטן און טוערס.

☆

אַפילו אין אונדזער העכסטער רעליגיעזער היעראַרכיע איז דער קנאַפּע 80־יאָריקער הרב אונטערמאַן באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־רב פון דער יידישער מדינה אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט פאַרנומען (און פאַרנעמט ביזן היינטיקן טאָג!) דעם אַמט פון רב ראשי פאַר תל־אביב—יפו. שוין־זשע איז צווישן די צענדליקער גאונים און רבנים אין לאַנד נישט פאַראַן אַ פּאַסיקער קאַנדידאַט פאַר איינעם פון די צוויי אַמטן?

שטעלט זיך דעריבער די זעלבע פראַגע: ווו נעמען זיי אַזוי פיל צייט, כוח, ענערגיע, געדולד און... געזונט, נאָכצוקומען די ריזיקע אויפגאַבן און פליכטן, וועלכע עס פאָדערט זיך פון אַזוי פיל געזעלשאַפטלעכע פונקציעס און טיטולן? קומט דאָס נישט אַלץ פאַר אויפן חשבון פון די לעבנס־וויכטיקסטע אינטערעסן פון די אַנשטאַלטן, בירגער, חברים? אַזעלכע „באַהאַנגענע״ מיט אַמטן יידן, מוזן בעל־כורחו פאַרנאַכלעסיקן אַ וועלט ענינים — אָבער מוותר זיין פון אַ טיטול האָט מען נישט בדעה.

נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די צענטראַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע פון מפא״י אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז מער פון צוויי אַמטן טאָר אַן אָנפירנדיקער חבר נישט פאַרנעמען, און אַז ס׳איז אויך נייטיק איינצופירן דעם סיסטעם פון „ראָטאַציע״, ד. ה. אַז אַלע עטלעכע יאָר דאַרפן די צענטראַלע אָנפירנדיקע חברים טוישן זייערע אַמטן און פונקציעס. בעצם, וואָלט אַזאַ באַשלוס באַדאַרפט אָנגעווענדעט און דורכגעפירט ווערן אין אַלע אַן אויסנאַם פּאַרטייען און געזעלשאַפטן אין לאַנד. אָבער סיי מפא״י, סיי די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע כוחות אין לאַנד, האָט נישט געסטייעט מוט און געוואַגטקייט אַדורכצופירן אַזעלכע וויכטיקע רעקאָמענ־דאַציעס, כדי פון איין זייט „באַפרייען״ געוויסע עסקנים פון דער איינרעדעניש און סוגעסטיע, אַז עס קומט זיי אַלץ און אַז נאָר זיי זענען פעיק צו זיצן (ביז די 120) אויף די אומצאָליקע בענקלעך; און פון דער צווייטער זייט — געבן אַ שאַנס אויך אַנדערע טרייע טוער, צו באַווייזן זייער פעיקייט און אַחריות.

☆

די כוונה פון דעם פריער געזאָגטן, איז נישט, חלילה, צו קריטיקירן, אָדער אַראָפּרייסן יענעם קאָדער געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זענען בלב ובנפש איבערגעגעבן זייער פּאַרטיי, באַוועגונג, אינסטיטוציע צי אינסטאַנץ און מיינען ערנסט מיט זייער שליחות. שלעכט איז

נאָר וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך כבוד און בענקלעך, און וועלכע זיי זענען, ממש, אַ ציל אין לעבן...

(י"ש ת"א, 30.11.66)

## וועגן דריי קאַטעגאָריעס יידן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן

אין כמעט אַלע וואָלונטערע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטן, פּאַרטייען, לאַנדסמאַנשאַפטן און אינסטיטוציעס זענען זיי בנמצא: 1) יידן מיט שטענדיקע טענות ומענות קעגן די וואָס טוען עפּעס. 2) יידן וואָס באַגנוגענען זיך מיט קריטיק — צום גוטן אָדער צום שלעכטן. 3) יידן וואָס טראָגן אויף זיך דעם עול און אחריות — מאָראַליש, געזעלשאַפטלעך, פינאַנסיעל. מיט אַנדערע ווערטער, און בקיצור: יידן וואָס קאָמפּראָמיטירן; יידן וואָס קריטיקירן און יידן וואָס רעהאַביליטירן.

לאָמיר אָנהייבן פון די לעצטע, הגם זיי געפינען זיך תמיד אין אַ גרויסער מינדערהייט און זענען אויך אויסגעשטעלט אויף אומאויפהערלעכע אַטאַקעס מצד די לייט פון די צוויי ערשטע קאַטעגאָריעס. דאָס זענען יענע טוערס, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי געקרוינט מיט פאַרשידענע נעמען, ווי: עסקן, שליח־ציבור, קהלס פאַרזאָרגער, קהלס שייגעץ, אַקטיוויסט, געזעלשאַפטלעכער טוער, קאָכלעפל, שטאָט־פאַרזאָרגער, בטלן, משוגענער און נאָך און נאָך. די אַלע באַצייכענונגען זענען אויסן אונטערצושטרייכן דאָס פּאָזיטיווע און סאָלידע ביי די דאָזיקע מענטשן, וועמען עס גייט אין לעבן צו דינען דעם כלל, זיך מקריב זיין פאַר דער געזעלשאַפט און כסדר זאָרגן פאַר די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע אָדער אינסטיטוציע פון וועלכער מען שטייט בראש, אָדער מ'איז דאָרט אַן אַקטיווער טוער.

מיר טרעפן זיך אָן אויף אַזעלכע העוסקים בצרכי ציבור — ערלעכע, ערנסטע, אויפריכטיקע, איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס זענען גרייט מוותר צו זיין פון פריוואַטן לעבן, פאַרנאַכלעסיקן די היים און משפחה, כדי לאַנגע שעהן זיך באַטייליקן אין זיצונגען, צוזאַמענטרעפן און פאַרזאַמלונגען, וווּ עס ווערן באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון כלל, ווי פון פרט. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן ווי אַ פרוי באַקלאָגט זיך אויף איר מאַן, אַז ער האָט מער אין זינען פרעמדע ענינים ווי די משפחה; אַז אַ קהלישער ענין איז אים בילכער ווי אַן אייגן קינד...

אַוודאי איז אין אַזאַ סאָרט באַשולדיקונג פאַראַן אויך איבערטרייבונג, וועלכע קומט אָבער פון היימישע, נאָענטע מענטשן, אָן יענער בייזוויליקייט און רשעות, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס די „פּראָפעסיאָנעלע" קריטיקערס, צי געשוווירענע פאַרלוימדערס און באַשמוצערס.

נעמט צום ביישפּיל, די קריטיקערס (און קריטיק, ווי באַוווסט, איז פאַראַן אַ פּאָזיטיווע און אַ נעגאַטיווע). צי אויס געפילן פון קנאה, אָדער פון אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, צי אומווילן עפּעס צו טאָן לטובת הכלל, זענען זיי גרייט פון צייט צו צייט אויך לאָזן פאַלן אַ גוט וואָרט אויפן אַדרעס פון די טוערס, אַפילו לויבן זייער איבערגעגעבנקייט, באַוווּנדערן זייער ענערגיע, מי, געדולד און גרייטקייט זיך מקריב צו זיין. אַזאַ אָפּשאַצונג מיט שבחים זענען אַ שטיקל פאַרגיטיקונג פאַר די וואָס זענען אַנגאַזשירט אין קהלישער אַרבעט און דערמוטיקט זיי ווייטער צו שלעפּן דעם שווערן, אומדאַנקבאַרן געזעלשאַפטלעכן וואָגן.

פאַראַן אָבער אויך קריטיקערס לשם קריטיק, צום בלויזן אַרונטעררייסן, וואָס אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן, אַז „דער גלייכער איז ביי זיי קרום, און דער קרומער — גלייך". זייערע שלאָג־אַרגומענטן קעגן יעטוועדן עסקן: ער זוכט כבוד, ער שטופּט זיך אויבנאָן, אַז מיט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז ער נאָר אויסן צו זיצן אויפן בענקל. אַז

מ׳וויל שוין מיט אַזאַ איינעם טאָן אַ חסד, וואַרפט מען אים פּאַר, אַז דערפאַר וואָס ער האָט נישט וואָס צו טאָן, נעמט ער זיך צו קהלישע זאַכן...

פון אַזעלכע יידן מיט אומצוטרוי, ספקות, שפּאָט — איז שוין נישט ווייט צו די וואָס פאַרלוימדן און באַשמוצן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אַ פּאַרטיקן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די ערלעכע און אויפריכטיקע שליחי־ציבור. זייער לייט־מאָטיוו אינעם ריידן און באַריידן: קהל איז אַ גנב... אויב ר׳ בערל גיט אַוועק טעג און נעכט פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן, איז נישט אַנדערש, ווי — ער גנבעט! אַזאַ פאַרלוימדער אינטערעסירט נישט די ראַיעלע בוכפירונג, די אָפּשאַצונג פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, די אָרנטלעכקייט פונעם „באַשול־דיקטן״ גופא. ער, דער בייזוויליקער קריטיקער, וואָס טוט אַליין גאָרנישט, ווייסט בעסער פון אַלע, אַז „צו קהל דערלייגט מען נישט״. און אויב ער האָט נאָך פּרנסה, לעבט ער אַוודאי פון דער קהלישער שיסל...

ווי דערמאָנט, לאָזן זיך הערן די אַלע אומבאַרעכטיקטע באַשולדיקונגען נאָר מצד די וואָס שטייען אין דער זייט און זיי פעלט אויך נישט איין מיטוצהעלפן. פונקט ווי זיי זענען די לעצטע עפּעס צו טאָן, אַזוי זענען זיי די ערשטע אַרונטערצורייסן און באַריידן די אמתע טוערס.

אַזעלכע פאַרשוינען האָבן אין אַלע צייטן און אין רוב אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס דערפילט אַ שעדלעכע, דעסטרוקטיווע ראָל. מיר איז צופעליק אַריינגעפאַלן אין האַנט אַן אויסגאַבע פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, דערשינען מיט אַ 50 יאָר צוריק, אין וועלכער עס זענען אָפּגעדרוקט „צען געבאָטן פאַר אונדזערע מעמבערס״. אָט זענען אייניקע פונקטן פון יענע „עשרת הדברות״:

- קומט נישט צו די מיטינגען. און ווען איר קומט שוין — קומט שפּעט.
- ווען עס רעגנט אָדער ס׳איז הייס צי קאַלט, זיצט אין דער היים. זאָל אַ צווייטער גיין צום מיטינג.
- ווען איר קומט אַמאָל צו אַ מיטינג, זוכט נאָר חסרונות אויף די באַאַמטע.
- נעמט נישט אָן קיין אַמט — ס׳איז לייכטער צו קריטיקירן יענעם.
- ווען מען פאַרלאַנגט פון אייך אַ מיינונג אין אַ געוויסער אָנגעלעגנהייט — מאַכט אַ שוויג. נאָר נאָכן מיטינג — „קאָכט זיך״.
- איר אַליין טוט גאָרנישט, נאָר ווען אַנדערע טוען יאָ — דאַן שרייט געוואַלד, אַז אַ קליקע פירט די סאָסיעטי.

אַ סברה, אַז אויך אין די רייען פון יענער לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע פון אַ קליין שטעטל אין פוילן, וואָס האָט געשטרעבט אויפן אַמעריקאַנער באָדן גוטס טאָן אירע בני־עיר, האָבן זיך געפונען היימישע קריטיקערס, ציניש אָפּלאַכערס און אַרונטעררייסערס, וואָס האָבן אין די אַקטיווע טוערס געזען נישט עפּעס אַנדערש ווי קליקעס און פּערזענלעכע אַמביציעס. דערפאַר האָט עמעץ פון די פאַראַנטוואָרטלעכע יידן געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרעפנטלעכן די דערמאָנטע צען געבאָטן, וואָס זענען נאָך איצט אַקטועל און רעלעוואַנטיש פאַר אַ סך אָרגאַניזאַציעס און... זייערע באַריידערס.

איז זיך פאַרצושטעלן אַ וואָסער פּנים עס וואָלט געהאַט אונדזער יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, מיט אַלע אירע פּאַרטייען, באַוועגונגען, אינסטיטוציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן, פילאַנט־ראָפּישע חברות — אָן דעם קאָדער אידעאַליסטן און אַקטיווויסטן, וואָס זענען בלבֿ ובנפש אַריינגעטאָן אין קהלישער אַרבעט. זיי, נאָר זיי, די דאָזיקע פּאָזיטיווע און קאָנסטרוקטיווע געשטאַלטן, גיבן אַ תיקון, אָן אינהאַלט און ציל אינעם לעבן און באַוועגן אויך אַנדערע זיך איינצושפּאַנען אינעם יאָך און רעהאַביליטירן פאַר איינוועגס די, וואָס באַגנוגענען זיך מיט קריטירן און קאָמפּראָמיטירן אַנדערע.

(י״ש ת״א, 20.2.80 ; פּא״צ י—ם, מערץ 1980)

# מפ״ם דאַרף בלײַבן אין מערך

לעצטנס רודערט זיך אין מפ״ם. און ס׳איז נישט קיין ווונדער! דעם 7טן פעברואַר 1980 דאַרף זיך אָנהייבן דער 3־טאָגיקער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. לויט די בעסטע טראַדיציעס פון אַן אידעישער און פּאָליטישער באַוועגונג, פירן זיך איצט אין די צענטראַלע אינסטאַנצן, ווי אין די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס און אין דער פּרעסע — אָפענע, פרייע, חברישע דיסקוסיעס בנוגע דעם ווייטערדיקן וועג פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי.

1

בערך אַ צוועלף רעזאָלוציעס פון איינצלנע חברים און פון איינעקע גרופּן, זענען מיט אַ צייט צוריק דערלאַנגט געוואָרן דעם סעקרעטאַריאַט. נאָר אין דער אונטערשטער שורה שטייען איצט אויפן טאָג־אָרדענונג דריי פאַרשלאָגן, מיט וועלכע דער צוזאַמענפאָר וועט זיך באַשעפטיקן און אויך דאַרפן געבן אַן ענטפער אויף דער עיקרדיקער פראַגע:

יאָ אָדער נישט מערך?

מיט אַנדערע ווערטער: צי ווייטער אָנגיין מיט דער ביז איצטיקער שותפות צווישן דער העבודה־פּאַרטיי און מפ״ם, באַקאַנט מיטן נאָמען מערך?

צי אויפלייזן די דאָזיקע שותפות? אָדער לאָמיר דאָס אָנרופן פאָלקסטימלעך: אָפּלאָזן דעם שידוך, נאָר פון צייט צו צייט, ביי אַקטועלע אויפגאַבן און געשעענישן, שליסן אַ בונד מיט דער אַרבעטס־פּאַרטיי.

צי גאָר פאַראייניקן ביידע פּאַרטייען מיט אַנדערע, ציוניסטישע און פּראָגרעסיווע גרופּן און אויפשטעלן אַ קאָנסאָלידירטן, ציוניסטישן אַרבעטער־כּוח, אַ מין ישראלדיקע „לייבאָר״?

דער ענטפער אויף איינער פון די דאָזיקע פראַגן וועט געגעבן ווערן אויפן צוזאַמענפאָר. אַן שום ספק, אַז די העכער 900 דעלעגאַטן פון שטאָט, דאָרף און קיבוץ, וועלן מיט זייער אָפּשטימונג דעצידירן נישט נאָר וועגן אַן אינערלעך־פּאַרטייאישער פראַגע, נאָר אויך אַנטשיידן בנוגע דעם גורל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און וועגן דער צוקונפט פון אונדזער מדינה; צי 30 יאָר אַרבעטער־העגעמאָניע אין דער זעלבשטענדיקער ישראל און נאָך אַמאָל אַזוי פיל יאָרן אין דער מדינה אונטערוועגנס, האָבן זיך טאַקע פאַרענדיקט דעם 17טן מאַי 1977, אָדער איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג אומקערן צו דער מאַכט די שעפערישע, חלוצישע כּוחות, כּדי אַרויספירן דאָס לאַנד אויפן וועג פון שלום, זיכערקייט, אַנטוויקלונג, עליה און ווילזיין, אויב, פאַרשטייט זיך, די אַרבעטערשאַפט וועט זיין געאייניקט.

מיט 10 יאָר צוריק, נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און אויפן שוועל פון 21סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל, האָבן די אידעיש זיך באַקעמפנדיקע מפא״י און מפ״ם אָנערקענט, אַז אַנשטאָט זיך אַרומרייסן און קעגנזייטיק קריטיקירן, איז נייטיקער און וויכטיקער צו לעבן בשלום; אַז די צוזאַמענאַרבעט פון ביידע פּאַרטייען אין דער הסתדרות, התיישבות, כנסת, ווי אויך, פון צייט צו צייט, אין דער רעגירונג־קאָאַליציע — דאַרף ווערן אויסגעברייטערט און פאַרטיפט.

די אָנהענגערס פון אַזאַ דערנענטערונג האָבן געהאַט טויזנט און איין סיבה פאַר אַן ענגערן צונויפשליסן די רייען. אויף אַ גאָר פייערלעכן אופן איז אין ירושלים פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייונג פון מערך, וואָס זיין ווערטלעכע איבערזעצונג אויף יידיש מיינט: קאָנסטעלאַציע. אַ סך האָפענונגען, אויסזיכטן און פאַרלאַנגען זענען געבוירן געוואָרן מיטן שאַפן אַזאַ קאָנסטעלאַציע פון ביידע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געחתמעט אַ „טשאַרטער״ פאַר סאָלידאַרער צוזאַמענאַרבעט אין דער כנסת, הסתדרות און אויף אַלע אַנדערע געביטן פון ישראלדיקן לעבן. דערביי איז מפ״ם געגעבן געוואָרן זיבן פרייהייטן זיך אָפּצוהאַלטן פון שטימען אָדער אפילו שטימען קעגן וויכטיקע פּאַרלאַמענטאַרישע צי הסתדרותישע

אַנטשיידונגען, אויב זיי וועלן זיין אין סתירה צו די יסודותדיקע, פּרינציפּיעלע, אידעיש־פּאָליטישע איינשטעלונגען און מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס פון דער פּאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי.

נאָך עפּעס: ביידע פּאַרטייען, אויך נאָכן אויפשטעלן דעם מערך, גייען ווייטער אָן מיט זייער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער זעלבשטענדיקייט פון די צענטראַלע אינסטאַנצן, ווי פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. אויב ווידער זיך באַנוצן מיט אַ פאָלקסווערטל, איז דער מערך געווען בעצם, נישט מער ווי אַ מין „שרייבן תנאים", אָבער ווייט נישט קיין „חתונה" כדת משה וישראל...

2

אויפן סמך פון דער ביז איצטיקער דערפאַרונג, איז טאַקע מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע — מאי קא משמע לן 10 יאָר מערך: א) האָט ער דערפילט ווי געהעריק זיין אויפגאַבע? ב) צי האָט ער גאָר אַנטוישט אויפן גאַנצן פראָנט?

וואָלט דער ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע געווען אַ פּאָזיטיווער, איז זיך פּאַרצושטעלן, אַז אין מפּ"ם וואָלטן זיך היינט געפונען אַ סך אַ סך אַנהענגערס צו פּאַרוואַנדלען די ביז־איצטיקע שותפות אין אַ ממשותדיקער פּאַראייניקונג (לויטן פאָרשלאַג פון חבר יעקב חזן, אויפצושטעלן אַ מין „לייבאָר"־באַוועגונג). פונעם ויכוח און אָפּשטימונגען אין מפּ"ם איז אָבער צו דרינגען, אַז מען יאָגט זיך נישט צו אַזאַ סאָרט איחוד.

דאַקעגן איז די תשובה אויף דער צווייטער פראַגע אַ מער קאַטעגאָרישע און זיכערע, ווייל צום באַדויערן, האָט דער מערך אַנטוישט אויף אַ סך געביטן. ביי דעם פונקט איז פאַראַן אין מפּ"ם כמעט אַן איינשטימיקייט, אַז דער מערך האָט געמעגט (און געקאָנט) זיין בעסער, אַקטיווער און עפעקטיווער. ווער שמועסט נאָך, אַז דער לייטמאָטיוו אויפצושטעלן דעם מערך איז געווען: אַ פּאַראייניקטער אַרבעטער־כוח, ווי אַ דאַמבע קעגן רעכטן לאַגער. זענען געקומען די וואַלן צו דער ניינטער כנסת מיט 20 חדשים צוריק און שטאַרק אונטערגעשווענקט די דאַמבע, אַפילו געדראָט מיט אַ ריזיקער פּאַרפלייצונג, וועלכע איז אָבער באַצייטנס פאַרהאַלטן געוואָרן אַ דאַנק די הסתדרות־וואַלן מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער. דער דאָזיקער עלעקטאָראַלער פּאַרמעסט האָט באַוויזן די ריכטיקע פּאָטענץ, אַמביציע און דערגרייכונג פונעם מערך. האַלעווייַ וואָלט ער אַזוי אויסגעזען אַלע טעג אין יאָר!

נאָר ווי געזאָגט, האָט דער מערך נישט ווייניק אַנטוישט. אָבער די אַלע און מפּ"ם גופא (און אויסער איר) וואָס קומען איצט מיטן פּאָרשלאַג אויפצולייזן דעם מערך און במקום אויפשטעלן אַ לייבאָר־פּאַרטיי נוסח ישראל (יעקב חזן), אָדער פּאַרטוישן אים מיט אַ בונד, צי צוניפרייד אַד־האָק מיט דער העבודה־פּאַרטיי (יערי־תלמי־פלד), כדי מפּ"ם זאָל צוריק ווערן אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי, פאַרגעסן, אַז בעצם האָט אויך די ביז איצטיקע שותפות נישט פאַרמינערט צי באַגרענעצט מפּ"ם אין איר נאָרמאַלער, אויפקלערערישער, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער און אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט. אין די ראַמען פון מערך איז מפּ"ם נישט געווען מחויב צו בעטן אַ דערלויבעניש ביי דער אַרבעט־פּאַרטיי צו אָרגאַניזירן אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע, איינאָרדענען אַ פאָלקסמיטינג צי עפנטלעכע פאָרלעזונג, אַרויסגעבן אַן אייגענע פּרעסע, אָפּדרוקן איר פּראָפּאַגאַנדע־ און אויפקלער־מאַטעריאַל; פונקט אַזוי האָט זי נישט באַדאַרפט מעלדן דעם שותף וועגן אַ געמיינזאַמער אַקציע מיט אַנדערע פּאַרטנערן, צי וועגן זאַמלען אונטערשריפטן פאַר אַ פּאָליטישן צוועק, אָדער פירן איר טאָג־טעגלעכע „שוואַרצע" אַרבעט אין די פּאַרטיי־קלובן און צווישן די חברים. אַז ס'איז געווען נייטיק, צוליב דער אומלאָיאַלקייט פון גרויסן שותף, אַז מפּ"ם זאָל צו די מוניציפּאַלע וואַלן אַרויסטרעטן מיט אַ זעלבשטענדיקער ליסטע אין 8 ערטער — האָט זי דאָס געטאָן מיט אַ ריין געוויסן (און נישקשהדיקן דערפאָלג). אין דער הסתדרות, אין כנסת, אין דער רעגירונג, ווו ס'האָט

יאָ פאַרפליכטעט אַן איינהייטלעכע אָפּשטימונג לויטן באַשלוס פון אַ מערהייט אין מערך, געדענקען זיך נישט אַ סך פאַלן, אַז מפ״ם זאָל זיך פילן ווי אַ „פאַרגוואַלדיקטע״, גלייך מ׳האָט איר מיט כוח אויפגעצוווּנגען צו הייבן די הענט קעגן איר אידעיִשן און מאָראַלישן דרך.

דעריבער דאַרף מען מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט אָפּוואַרפן דעם אַרגומענט פון כלומרשטער פאַרשקלאַפונג, אָפּהענטיקייט צי באַגרענעצטקייט פון מפ״ם אָנצוגיין מיט אירע זעלבשטענדיקע אַקטיוויטעטן אויף אַלע געביטן פון פאַרטייאישן לעבן, אין די ראָמען פון מערך. וואָלטן די קענגערס פון מערך אין משך די אָפּגעלאָפענע 10 יאָר, אַנשטאָט צו שטעלן זיך אין דער זייט, ווי ברוגזע אָדער פּראָטעסטירנדיקע, געווען זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט לטובת מפ״ם — וואָלט נישט נאָר די פאַראייניקטע אַרבעטער־פאַרטיי געהאָט אַ שענער פּנים, נאָר די גאַנצע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע מחנה וואָלט אַנדערש אויסגעזען.

3

אין די ערשטע יאָרן פון מערך, האָבן אייניקע חברים נישט געוואָלט משלים זיין מיטן שידוך מפ״ם־מפא״י און אַוועק צו מק״י, מיט דער תמימותדיקער אמונה צו שטאַרקן אַ כוח „לינקער פון מפ״ם״, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט. די וואַלן צו דער כנסת און הסתדרות האָבן אָבער באַוויזן די נישטיקע השפעה פון מק״י־מוקד־של״י אין אירע פאַרשידענע גלגולים, ווי די שפּאַלטונגען (דער ביישפּיל — אק״י), אָדער דאָס פאַרבינדן זיך מיטן דעקלאַרירטן אַנטי־סאָציאַליסט אורי אבנרי. לייגט זיך דעריבער אויפן שכל, אַז נישט פון דער זייט וועט קומען די ישועה פאַר דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

ווידער די קאָנצעפּציע אויפצושטעלן אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע פון די פאַרגעשריטענע ציוניסטישע כוחות (די אַרבעטס־פאַרטיי, מפ״ם, און אפשר אויך, ווער ווייסט — של״י און שולמית אלוני), ווו די קלענערע פאַרטנערן וועלן מאַיאָריזירט ווערן פון „גרויסן ברודער״ און זיין אונטערגעוואָרפן זיינע באַשלוסן, מיינט, בעצם, בהדרגהדיקע, נאָר זיכערע ליקווידאַציע פון די שוואַכערע. דאָס וואָס ס׳איז געשען מיט לינקע פועלי־ציון אין דער מפלגת העבודה — איז די בולטסטע באַשטעטיקונג פאַר אַזאַ שטופנווייזן אונטערגאַנג. און באַגיין זעלבסטמאָרד — ווילט זיך נישט.

מיר איז אויך שווער תופס צו זיין דעם מיין פון יענע חברים, וואָס לייגן פאָר צו וואַרפן דעם גט פאַר די פיס פון דער אַרבעטס־פאַרטיי, מיט אַ גלייכצייטיקער אָנצוגעהערעניש, אַז ביי געוויסע פּאָליטישע סיטואַציעס, קריזיסן און וויכטיקע געשעענישן, איז מען גרייט צו שליסן אַ בונד פון ביידע פאַרטייען, צונויפריידן זיך בעת אַ באַשטימטער קאָנקרעטער אַקציע. מיט אַנדערע ווערטער: נאָכן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון מפ״ם — איז „אויס כלה און צוריק מויד״. שפּעטער וועט מען זען, צי עס וועט זיך לאָזן באַנייען דעם שידוך. גראָד איצט, ווען די ליכוד־רעגירונג איז אַזוי קאָמפּראָמיטירט מיטן הויכן רעקאָרד פון אירע דורכפאַלן אויפן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און פּאָליטישן פראָנט; ווען זי איז אַזוי צעריסן און צעקריגט פון אינעווייניק; ווען די אינערלעכע אָפּאָזיציע איז, דוכט זיך, שטאַרקער און עפעקטיווער פון דער אויסערלעכער קעגנערשאַפט — איז נאָר אַ געאייניקטע אַרבעטער־מחנה, אַפילו אין דער פאָרם פון דעם איצט לויזן מערך, מסוגל צו זיין דער אַלטערנאַטיווער כוח אַנטקעגן דער ממשלה בעגין־ערליך־שרון־האַמער. אויפלייזן איצט דעם מערך — טראָגט אין זיך אַלע סכנות פון אומקערן זיך צו אַלטע מחלוקתן, פאַרגעסענע ווידעראַנאַנדן, פאַרשאַרפטע קריטיק און פּאָלעמיק, געריכטעט טיילמאָל מערער און שטאַרקער קעגן שמעון פּרס, ווי קעגן... מנחם בעגין. ס׳איז שוין געווען אַזעלכעס בימי בן־גוריון. לאָמיר נישט צוריקגיין צו יענע טרויעריקע צייטן. לאָמיר אויסמיידן אַ ריס צווישן אונדז און מפלגת העבודה, בפרט נאָך, אַז די אָנפירנדיקע אינסטאַנץ אירע שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון ווייטער אָנגיין מיט דער שותפות.

„פּערפּעסטיקן די קאָנסאָלידאַציע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל איז איצט נויטווענדיק און מעגלעך״ — שרייבט דער פּאַרזיצער פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי, שמעון פּרס, צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון מפ״ם, מאיר תלמי, אין אַ בריוו, וועלכער רעזומירט דעם באַשלוס פון פּאַרטיי־ביוראָ בנוגע דעם ווייטערדיקן גורל פון מערך, וואָס איז געווען געבויט אויף דריי אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן: א) בשותפותדיקער אָנטייל אין די וואַלן; ב) אָנט־ שיידונגען אויף דער באַזע פון אַ מערהייט אין די מערך־אינסטאַנצן; ג) די רעכט פון מפ״ם צו שטימען באַזונדער, לויט איר איינזען, ביי געוויסע ענינים.

אַזאַ איז די מיינונג פון יענעם פּאַרטנער. נאָר אויך דער אַקטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון מפ״ם וועט זאָגן זיין וואָרט. איך גלייב, אַז מ׳וועט נישט לאָזן הענגען אין דער לופט די אויסגעשטרעקטע האַנט פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי, וואָס מיינט אויף פּראָסט לשון: זאָל שוין בלייבן ביים אַלטן, איידער זוכן נייע פאָרמולעס, וואָס קיינער איז נישט זיכער אין גינסטיקע רעזולטאַטן. נאָר טאַקע דערפאַר וואָס אין מפ״ם, ווי אין „העבודה״, איז דער ויכוח אַרום דעם מערך דערגאַנגען צו גאָר הויכע טענער, סיי מיט אַ בליק אויף צוריק און סיי מיט אַ ווילן ווייטער צו קאָאָפּערירן, איז צו האָפן, אַז די באַנייטע שותפות וועט זיך באַזירן אויף אויסגעברייטערטער צוזאַמענאַרבעט, מערער צוטרוי, ווינציקער מאַיאָריזירונג און טיפערע פאַרשטענדיקונג. ווייל נאָר אַזאַ צוגאַנג איז מסוגל אָרויפצופירן די ישראלדיקע אַרבעטער־ באַוועגונג אויפן דרך המלך פון ציוניסטישן סאָציאַליזם און חלוצישן קאָנסטרוקטיוויזם.

(י״ש ת״א, 17.1.79)

# „אומקערן דעם ציוניזם די קרוין״

ביאָלאָגיע (זיקנה) און אידעאָלאָגיע (ציוניזם), מאָראַל און הומאַניזם, הילף פאַר עולים און די פּלאָג פון ירידה — די און אַנדערע טעמעס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער אויפנאַמע פון נשיא יצחק נבון לכבוד הונדערט ציוניסטישע וועטעראַנען פון די תפוצות, לאַנגיאָריקע בירגער פון ישראל, מיטגלידער פון „ברית ראשונים״ (פאַרבאַנד פון די ערשטע).

## צווישן ליכט און שאָטן

די איינלאַדונג, אויף בלאַנקעטן פון „ברית ראשונים״, אויף וועלכע עס פיגורירן אַזעלכע נעמען פון ערן־פּרעזידיום פון דער אָרגאַניזאַציע, ווי: ד״ר יוחנן באַדער, יצחק בן־אהרון, ד״ר ישראל גאָלדשטיין, מאַטילדאַ גז, דוד הכהן, ברוך ווינשטיין, יעקב חזן, פּראָפ׳ אריה טאַרטאַקאָווער, יעקב צור, הרב מרדכי קירשבלום, משה קול און ישראל קאַרגמאַן — האָט אַזוי געלויטעט: „מיר פרייען זיך איינצולאַדן אייך און אייער בני־בית צו אַ פייערלעכן צוזאַמענטרעף מיטן נשיא פון דער מדינה, יצחק נבון, צום יובל פון ברית ראשונים״. איך בין זיכער, אַז געפרייט האָט זיך אויך דער וואָס האָט באַקומען אַזאַ פאַרבעטונג, ווייל אַ צוזאַמענטרעף מיטן מדינה־פּרעזידענט, דערצו נאָך פון אַ ציוניסטישן וועטעראַן, איז תמיד אַ פרייידיקע איבערלעבונג, מיט אַ סך אינהאַלט, עמאָציעס און אומפאַרגעסלעכע איינדרוקן.

אויך נאָך דער באַגעגעניש איז דער עולם אַוועק צופרידן, מאָראַליש דערהויבן און געשטאַרקט, הגם ס׳האָבן נישט אויסגעפעלט קיין מינאָרע טענער אין די באַגריסונגען פון ד״ר ברענדער, מאַטילדאַ גז, פּראָפ׳ טאַרטאַקאָווער און הרב ד״ר בענדזשין, וואָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט דעם נשיא אָנצוהייבן זיין שמועס מיט אונדז — מיט אַ פראַגע:

— זענען דען פאַראַן בלויז שאָטן־זייטן? כ׳זע אין דעם לאַנד אַ סך ליכט און דערפאַר בין איך אַן אָפּטימיסט. מיין אָפּטימיזם דרינגט אַרויס פונעם טרעפן זיך מיט טויזנטער מענטשן...

די בירגער פון ישראל ווייסן אויסגעצייכנט, אַז יצחק נבון איז ניט אָפּגעשלאָסן אין די ד' אמות פון ירושלימער פּרעזידענטן־הויז, נאָר איז דאָרט אַ זייער אָפּטער מכניס־אורח פֿאַר דעלעגאַציעס, אויסער אויפֿנאַמעס פֿאַר דיפּלאָמאַטן, געסט פֿון אויסלאַנד און פֿון ישראל. נאָר פֿאַר אַלעמען איז ער אויך אַן אָפּטער „גאַסט אין שטעטל", ווי ראש העין, חצור, ירוחם, שכונת התקוה און אַנדערע ערטער. מיר זעען אים אויך אויף דער פֿאַרטיילונג פֿון דער איציק מאַנגער־פּרעמיע, אויף באַגעגענישן מיט דעלעגאַטן צום וועלט־ראַט פֿאַר יידיש און אַנדערע אונטערנעמונגען. אויך ער אַנטלויפֿט נישט פֿון רשות הרבים, ווייל דאָס פֿאָלק וויל אים זען און הערן.

אויך אויף אונדזער צוזאַמענטרעף איז דאָ וואָס צו הערן. ער „פֿרייט זיך צו טרעפֿן מיט אַן עולם וואָס סימבאָליזירט טאַקע אַ הערלעכע פֿאַרגאַנגענהייט, נאָר וויכטיק איז: וואָס וועט איר טאָן אין דער צוקונפֿט, צי וועט איר מיטשפּאַנען מיט די הונדערטער טויזנטער וואָלונטערן אין לאַנד, מיט די פֿון 'שטילן יידנטום', וואָס טוען אויף אַ וועלט?"

און יצחק נבון דערציילט, אַז אויף דער שוועל פֿון יאָר 1981, האָט ער זיך געטראָפֿן מיט אַ 200 אויסלענדישע זשורנאַליסטן, אַקרעדיטירטע אין ישראל און זיי דערקלערט, אַז קיינער פֿאַרווערט זיי נישט צו שילדערן ביי אונדז אַ רעגירונג־קריזיס, די אינפֿלאַציע, די דעמאָנסטראַציעס אין יהודה און שומרון, נאָר זיי מעגן אויך דערציילן וועגן אַן אויפֿגעשטעלטן ישוב, וויפֿל ביכער דערשיינען דאָ, זשורנאַלן, דערפֿינדונגען, קולטור־אונטערנעמונגען, בילדער־אויסשטעלונגען, דערגרייכונגען אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, אינדוסטריע, טעכנאָלאָגיע. אַוודאי איז אַ פֿאַרברענט הויז, געשלעגן, אומרוען — זייער שפּאַנענד און דראַמאַטיש, ס'איז אָבער פֿאַרט דאָס נעגאַטיווע, בעת דאָס פּאָזיטיווע ווערט כמעט ווי נישט דערמאָנט.

לויט דער מיינונג פֿון נשיא, זענען אין יעדן ווינקל פֿון לאַנד פֿאַראַן אידעאַליסטן. ער דערציילט פֿון דער הויכשול אין נגב־שטעטל ירוחם, וועלכע ס'האָט אויפֿגעשטעלט אַ ייד פֿון אַמעריקע, אַ פּראָפֿעסאָר, וווּ ס'לערנען דערוואַקסענע — און ער אַליין לערנט זיי. אין יענעם אָרט האָבן זיך פּרייוויליק געמאָלדן אין דער בירגערוואַך 350 יוגנטלעכע און עלטערע מענטשן. יעדן אָוונט זעט מען דאָרט תלמידים אויף שמירה. אַז אין ירוחם איז פֿאַראַן אַרבעט־לאָזיקייט — שרייבן אָפּט די צייטונגען. איר וועט אָבער זעלטן לייענען אַ באַשרייבונג, אַז דאָס דאָזיקע אָרט פֿאַרמאָגט אַן אייגענעם קאָנסערוואַטאָריום מיט אַן אינטערנאַט. פֿון דאָרט וועלן מיר נאָך האָבן טאַלאַנטירטע מוזיקערס.

וואָס ווייסט מען אין לאַנד וועגן נייעם קיבוץ עידן, וועלכן ס'האָבן אויפֿגעשטעלט עולים פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן? זיי האָבן דאָך אין יענעם לאַנד געהאַט אַלץ וואָס די יורדים פֿון ישראל זוכן דאָרט...

אין קיבוץ הזורע באַקומען 142 חברים אַנטשעדיקונג פֿון דייטשלאַנד. 141 טראָגן אַריין דאָס געלט אין דער אַלגעמיינער קאַסע. בלויז איינער איז נישט בייגעשטאַנען דעם יצר־הרע... אין קיבוץ נען האָבן נאָר צוויי נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, אָבער 72 גיבן אַלץ אַוועק דעם קאָלעקטיוו. אין ראַיאָן פֿון עדולם זענען אַ ריי זעלנערס און זעלנערינס ממשיך זייער מיליטער־דינסט נאָך אַ יאָר, כדי צו דינען דעם כלל אין יענער געגנט.

דאָס לאַנד איז פֿול מיט אַזעלכע מענטשן. דאָס איז דער כוח פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס איז מסוגל גובר צו זיין שוועריקייטן. ס'איז אַן אומאויפֿהערלעכער קאַמף צווישן ליכט און שאָטן — און די מלחמה איז נישט קיין פֿאַרלוירענע.

## אַ לויב די וועטעראַנען און זייער אָרגאַניזאַציע

דערמאָנענדיק די אויפֿטוען פֿון ברית ראשונים, פֿאַרענדיקט דער נשיא זיין וואָרט צו די וועטעראַנען: — פֿאַראַן אַלטע לייט, וואָס זענען תמיד יונג, און פֿאַראַן יוגנטלעכע, וואָס פֿירן זיך אויף ווי זקנים. איר געהערט צו דער ערשטער קאַטעגאָריע...

אָן שום ספק, אַז ברית ראשונים האָט זיך ערלעך פאַרדינט אַזאַ קאָמפּלימענט פון יצחק נבון. פון אַ סאָציאַל-הומאַניטאַרער אינסטיטוציע פאַר ציוניסטישע טוערס, געגרינדעט אין 1931 אין תל־אביב, איז זי מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע צו פאַרשפּרייטן אויך „ציוניסטישן באַוווּסטזיין" צווישן נייע עולים אין די אַבסאָרבציע־צענטערס, אין פאַרשידענע קרייזן, ביי אַקאַדעמיקערס, אין די אָפּרו־הייזער, צווישן פענסיאָנערן און אין די פיליאַלן פון בני ברית. אפשר קלינגט עס ווי אַ פּאַראַדאָקס, נאָר אַ פאַקט איז, אַז גראָד אין דער ציוניסטישער מדינה איז דער לאָזונג (און ציל) פון ברית ראשונים — „אומקערן דעם ציוניזם די קרוין אויפן קאָפּ". פאַר דעם צוועק האָט מען געשאַפן אַ סעמינאַר צו לערנען די געשיכטע פון ציוניזם און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג לויט באַזונדערע לענדער. ביז איצט זענען געהערט געוואָרן רעפעראַטן (וואָס וועלן דערנאָך דערשיינען אין בוך־פאָרם) וועגן בעסאַראַביע, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, דייטשלאַנד, בוקאָווינע, רומעניע, גאַליציע, פּוילן, צפון־אַפריקע, ענגלאַנד. ס׳איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסער ציוניסטישער סימפּאָזיום מיטן אָנטייל פון אָנגעזעענע מנהיגים.

דער לעבעדיקער נערוו פון דער אָרגאַניזאַציע איז ד״ר ברענדער. אויף זיין איניציאַטיוו איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ציוניסטישע ביבליאָטעק פאַרן פאַרשער, זשורנאַליסט און סטודענט. ברית ראשונים איז קעגן באַשטימען ישראל־דעלעגאַטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס לויטן „שליסל" פון די וואַל־רעזולטאַטן צו דער כנסת. אויך אין לאַנד דאַרפן דורכגעפירט ווערן אַלגעמיינע קאָנגרעס־וואַלן. דער „ברית" פאָדערט פון די מוניציפּאַליטעטן אָנצורופן גאַסן אויף נעמען פון ציוניסטישע מנהיגים אין די תפוצות. ער קלאַפּט אויך אין געוויסע טירן אויף צו באַקומען סובווענצן, מיט וועלכע ס׳וועט זיך לאָזן אויסברייטערן די טעטיקייט, ווייל אויסער די מאָגערע סובסידיע פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון באַשיידענעם מיטגליד־אָפּצאָל, זענען נישטאָ קיין אַנדערע הכנסה־קוואַלן.

די אָרגאַניזאַציע פון ציוניסטן־וועטעראַנען האָט נישט קיין מזל צו די קאָמוניקאַציע־מיטלען אין ישראל. אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, וועט איר נישט געפינען קיין וואָרט וועגן דעם, אַז דער ברית ראשונים העלפט אויך אויפנעמען און איינאָרדענען עולים אויפן געזעלשאַפטלעכן, ציוניסטישן און קולטורעלן באַדן, דורך אינדיווידועלער באַהאַנדלונג. אָן אייגענע גמילות־חסדים־קאַסע ערטיילט אָנפּראַצענטיקע הלוואות. מעגלעך, אַז צוליב באַשיידנקייט, צי אומבאַהאָלפנקייט, הערט מען נישט אין די ברייטע קרייזן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. אפילו די דערמאָנטע אויפנאַמע ביים נשיא, איז געוויזן געוואָרן אין דער טעלעוויזיע ערשט אַרום 12 ביינאַכט, און אויך נישט מער ווי אַן אויגנבליק.

געקומען די צייט, און אוודאי און אוודאי נאָך 50 יאָר טעטיקייט, אַז אַן אָרגאַניזאַציע פון פאַרדינסטפולע טוערס, וועטעראַנען פון אַ באַוועגונג, וואָס פאַרמעסט זיך אומצוקערן דעם ציוניזם די קרוין אויפן קאָפּ — זאָל אַליין באַקרוינט ווערן מיט אָנערקענונג, פּאָפּולאַ־ריטעט און ווייטערדיקע, פּרוכטבאַרע אַרבעט.

(פאַ״צ י—ם, מאַי־יוני 1981 ; י״ש ת״א, יוני 1981)

# קולטור־פראגן,
# שרייבער, ביכער

# ש. גראַדזוענסקי ווילׂ ס׳זאָל אים קלאָר ווערן

אינעם „יידישן קעמפער״ איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון שלמה גראַדזוענסקי „זאָל דאָס קלאָר ווערן״, אין שייכות מיט מאמר פון ש. נירנבערגער אין ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל״. נירנבערגער דערציילט, אַז בעת זיין וויילן אין ישראל, האָט ער דערלאַנגט אַ בקשה וועגן אַ דערלויבעניש אויף אַ טאָג־צייטונג אין דער יידישער שפּראַך, און באַקומען אַן... אָפּזאָג.

דערויף קומט שלמה גראַדזוענסקי אין „יידישן קעמפער״ מיט אַ פאָדערונג:

„אַן אויטאָראַטיווע אינסטאַנץ אין ישראל דאַרף גלייך קלאָר מאַכן: איז אמת, אַז מען האָט אָפּגעזאָגט אַ דערלויבעניש אויף אַ טאָג־צייטונג — דערפאַר וואָס דאָס איז אַ צייטונג אין יידיש?

אויב דאָס איז אמת, דאַרף מען דאָס זאָגן אָפן — און אויך דערקלערן די מאָטיוון פאַר וואָס איז אין דער יידישער מדינה דייטש, אונגאַריש און רומעניש מער כשר פון יידיש, און אַז עס האַנדלט זיך נישט מער וועגן יידיש און העברעיש, וועגן עפּעס אַנדערש, וואָס איז פיל ערנסטער פון דער שפּראַכן־פּראָגע.

הלוואי זאָל דאָס נישט אמת זיין, ווייל ס׳איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס איז אמת, זאָל דאָס טאַקע גלייך קלאָר ווערן.

מיר ווייסן נישט, וואָס האָט באַוויגן ש. נירנבערגער צו דערלאַנגען אַ בקשה אויף אַ יידישער טעגלעכער צייטונג. מיר ווייסן נישט, צי איז זיין כוונה געווען אויסצופּרווון די רעגירונג פון ישראל, אָדער ער האָט ערנסט געמיינט דאָ אַוועקצושטעלן אַ צייטונג אויפן קאָמערציעלן יסוד. מיר ווייסן אָבער יאָ, אַז דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון „נייוועלט״ ד״ר נ. ניר, וויצע־פּאָרזיצער פון כנסת, האָט אויפן פאַרלאַנג פון טויזנטער לייענער און נייע עולים זיך געווענדט צום אינערן־מיניסטער מ. שאַפּיראָ אויסצוברייטערן די פּאַראַנענע לעגאַליזאַציע פון דער צייטונג זי זאָל קאָנען דערשיינען יעדן טאָג, אַנשטאָט 3 מאָל אַ וואָך — און אויף דעם איז געקומען אַן אָפּזאָג. דער אָפּזאָג איז געגאַנגען נאָך ווייטער, ווען ד״ר ניר האָט זיך געווענדט וועגן אַ דערלויבעניש פאַר „נייוועלט״ צו דערשיינען 4 מאָל אַ וואָך — איז ווידער געקומען אַן אָפּזאָג. דער אינערן־מיניסטער האָט געשריבן:

„אין איצטיקן מאָמענט קען איך אייך נישט דערלויבן אַרויסצוגעבן די צייטונג „נייוועלט״ יעדן טאָג אָדער 4 מאָל אין וואָך. בכלל וועט אין דער נאָענטסטער צייט די אינערן־קאָמיסיע פון דער כנסת באַטראַכטן די ענינים פון אונדזער פּרעסע״.

און דאָס אַלץ, נישט געקוקט אויף דעם וואָס „נייוועלט״ דערשיינט שוין 17 יאָר צייט אָן איבעררייס און האָט זיך דערוואָרבן אַן אָנגעזענע פּאָזיציע אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

מיר באַדויערן, וואָס מיר קענען נישט שלמה גראַדזוענסקין אָנגעבן די מאָטיוון, צוליב וועלכע דער מיניסטער האָט אָפּגעזאָגט דאָס דערשיינען פון „נייוועלט״ אַלס טאָג־צייטונג, ווייל דער מיניסטער אַליין גיט נישט אָן אַזעלכע מאָטיוון. פאַר אונדז איז נאָר קלאָר (און זאָל עס אויך קלאָר ווערן ש. גראַדזוענסקין), אַז דער אָפּזאָג איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס האַנדלט זיך טאַקע אין אַ יידישער טאָג־צייטונג. אין דער צווישן־צייט האָט מען דאָך אַרויסגעגעבן אַ דערלויבעניש אויף אַ טעגלעכער צייטונג אין דער פראַנצויזישער שפּראַך „ל׳עקאָ ד׳איזראַעל״, וועלכע דערשיינט איצט אומגעשטערט, אויסער די 2 טאָג־צייטונגען אין דער דייטשער שפּראַך, 1 אין ענגליש, 1 אין אונגאַריש, 1 אין רומעניש, וועלכע דערשיינען פון פריער.

יאָ, שיעור נישט פאַרגעסן נאָך איין אויפקלערונג: „נייוועלט״ איז אַ צייטונג פון מפ״ם —

און אויב אויך דער „חטא" האָט משפיע געווען אויפן מיניסטעריאַלן אָפּזאָג, וועט גראַדזענסקי זיכער קאָנען טענהן, אַז דאָס איז „פיל ערנסטער ווי די שפּראַכן־פראַגע"...

איצט, חבר גראַדזענסקי, מיינען מיר, אַז ס'איז אייך אַלץ קלאָר.

(„נייוועלט" ת"א, 7.7.50)

# יידישע בינע־מייסטער וועגן יידיש טעאַטער אין ישראל

דער קבלת־פּנים וואָס דער יידישער ליטעראַטן־פאַריין אין ישראל האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם קינסטלער־פּאָרל זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו צו זייער צוריקקער פון אויסטראַליע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ערנסטן מיינונג־אויסטויש און גלייכצייטיק האַרבן משפט איבערן יידישן טעאַטער בכלל, באַזונדערס אין ישראל. דעם טאָן דערצו האָבן געגעבן דער בעל־שמחה גופא און די קינסטלער דזשיגאַן און שומאַכער. פון זייערע רייד האָט זיך אַרויס־געפילט דער ווייגעשריי פונעם ערנסטן יידישן אַקטיאָר איבערן גורל פון דער יידישער בינע אין לאַנד און אויף דער וועלט, דער דערפאַלג פונעם שונד־טעאַטער און כל־מיני גאַסטראָלן אין ישראל, וועלכע באַנייען „די טראַדיציע פון סמאָטשע גאַס".

נאָר לאָמיר דערציילן מיט אַ סדר:

י. פערלאָוו, דער פאָרזיצער פון אָוונט, האָט באַגריסט די געסט און גערעדט וועגן זייערע אויפטוען. ערשט ווען דאָס וואָרט האָט באַקומען זיגמונט טורקאָוו, איז גלייך געענדערט געוואָרן די אַטמאָספער און שטימונג. אין אַ פּשוטער נאָר איבערצייגעוודיקער שפּראַך, האָט ער געשילדערט זיינע איינדרוקן פון אויסטראַליע, וווּ ער האָט אין משך פון זיין קורצן באַזוך אָנגעפירט מיטן דראַמאַטישן קרייז ביי דער „קדימה" אין מעלבורן (בעת יעקב ווייסליץ, דער שטענדיקער לייטער פונעם דערמאָנטן קרייז, איז אַריבערגעפאָרן קיין סידניי צו טאָן די זעלבע אַרבעט). ווי טורקאָוו האָט איבערגעגעבן, איז „קדימה" דער צענטער פון יידישן קולטורעלן לעבן אין אויסטראַליע, וווּ דער עמיגראַנטן־דור האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די בעסטע קולטור־טראַדיציעס פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום. מען האָט טורקאָוון פאַר־געלייגט צו פאַרבלייבן אין אויסטראַליע, אים האָט אָבער געצויגן אַהער, קיין ישראל, ווייל בלויז דאָ פילט ער דעם המשך פון דעם ברויזיקן יידישן לעבן, אין וועלכן ער איז געווען אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין פּוילן און אין וואַרשע. בנוגע זיינע פּלענער איצט, האָט טורקאָוו איבערגעגעבן, אַז צוליב דעם וואָס די פּרוּוון אויפצושטעלן מיט 3 יאָר צוריק אַן ערנסט יידיש טעאַטער אין ישראל האָבן נישט מצליח געווען, און ער זאָגט זיך אויך נישט אָפּ פון זיין פּיאָנערישער מיסיע — וועט ער דעריבער אָנפירן מיטן ערשטן עברית־טעאַטער אין... נגב. אמת, זיגמונט טורקאָוו האָט נאָך נישט אויפגעגעבן אינגאַנצן די האָפענונג פון אַ גוטן יידישן טעאַטער אין לאַנד, נישט מער — ער וואַרט אַז אַנדערע זאָלן ווערן די טרעגער פון דער דאָזיקער אידעע. ער איז גרייט צו געבן זיינע בעסטע כוחות און דערפאַרונג פאַר אַזאַ דערהויבענעם צוועק.

אויך האָט ז. טורקאָוו אונטערגעשטראָכן, אַז נישט דער בנין איז וויכטיק, נאָר — רעפּערטואַר. דעריבער האָט ער אַפּעלירט צו די אָנוועזנדיקע שרייבער וועגן גוטע פּיעסן, ווייל דער מאַנגל אין פּאַסיקן רעפּערטואַר, באַשווערט זייער דעם קיום פונעם בעסערן יידישן טעאַטער.

ס'נעמט אַ וואָרט ש. שומאַכער. זיין אַרויסטרעטונג איז געווען אַ מייסטערהאַפטער באַשולדיקונג־אַקט קעגן שונד־טעאַטער און אַ ווייגעשריי איבער דער דאַליע פונעם יידישן אַקטיאָר, וואָס יאָגט זיך נישט נאָך קאַסע־דערפאָלגן, נאָר וויל דינען דער יידישער קולטור

און זעטיקן דעם טעאַטער־דורשט פונעם פּשוטן עולם. מיט דעם אים אייגנטלעכן הומאָר און שאַרפזין, האָט שומאַכער דערציילט ווי־אַזוי פאַרשידענע גאַסטראָלאָרן פון מעבר לים, וועלכע האָבן שוין אין יענע לענדער באַגראָבן דאָס יידישע טעאַטער, זענען איצט געקומען קיין ישראל, ווו במשך 2־3 וואָכן חזרט מען איין אַ פּיעסע וואָס איז שוין צענטליקער יאָרן געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע, מען טוישט איר נאָמען און אפילו די נעמען פון די העלדן — און פאַרטיק א ספּעקטאַקל. אַמטרויערריקסטן איז דאָס, וואָס ס׳קומט אַן עולם וועלכער דערמאָנט געגנוי די שלעכטע טראַדיציע פון סמאַטשע גאַס — דאָס לויפן אויף פאָרשטעלונגען, ווו גאַנצער און האַלבער שונד פייערן זייער נצחון.

שומאַכער האָט אויך דערציילט וועגן דעם קאַמף מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַר דער עצם רעכט פון שפּילן יידיש טעאַטער. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיטן נצחון פון די קינסטלער, אָבער איצט זענען ווידער פאַראַן באַזאָרגעוודיקע דערשיינונגען. מען שרייבט פּעטיציעס צו מיניסטעריומס וועגן פאַרווערן יידישע פאָרשטעלונגען, וואָס קאָנקורירן כלומרשט מיטן העברעישן טעאַטער. לויט דער מיינונג פונעם רעדנער, מיינט מען נישט די טובה פונעם עברית־טעאַטער, ווי די רעה פון דער יידישער בינע. ס׳איז נייטיק אַלץ טאָן, כדי הייבן דעם אָנזען און כבוד פונעם יידישן סצענישן וואָרט. „ווייל אויב נישט דאָ, אין ישראל, טאָ ווו דען?״

געלעכט איז געוועזן דער פאָרזיצער פון אָוונט, ווען ר׳האָט דערקלערט, אַז שומאַכער אָן דזשיגאַנען טרעט קיינמאָל נישט אויף. האָט טאַקע אויך דזשיגאַן גענומען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע „נישט צו באַגריסן דעם גאַסט, ווען ער האָט שוין באַגריסט אויף אַ פּריוואַטן אופן, נאָר טאַקע אַדורכרעדן זיך וועגן פראַגן וואָס זענען אונדז אַלעמען נאָענט און טייער״. דזשיגאַן האָט גראָד פּאָלעמיזירט מיט טורקאָוו יאוש און רעזיגנאַציע־טאָן און אַפּעלירט צו אים נישט אויפגעבן דעם געראַנגל פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער. לויט דער מיינונג פון דזשיגאַנען, דאַרף גראָד זיגמונט טורקאָוו שטיין אין די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון דער יידישער בינע און נישט מורא האָבן פאַר די שווערקייטן און שטרויכלונגען. זיין אַפּעל צו טורקאָוון איז געווען — ממשיך זיין דעם וועג, וועלכן ר׳האָט זיך אָנגעצייכנט ביי זיין ערשטן מאָל קומען אין לאַנד.

(אד״ו ת״א, 9.2.56)

# די עוולה דאַרף פאַריכט ווערן!

די טעג איז באַוווסט געוואָרן, אַז די אין ישראל איינציקע אָפּערע האָט אָפּגעשטעלט אירע פאָרשטעלונגען, בכדי זיך בכלל אויפצולייזן. געשען איז דאָס דינסטיק, דעם 5טן מאַי 1954, עטלעכע שעה פאַרן אויספירן „ריגאָלעטאָ״ — אָפּערע אין 3 אַקטן פון ווערדי. אויף אַזאַ אופן האָט אַ וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע אין ישראל אויסגעהויכט די נשמה, אין רעזולטאַט פון אַ גסיסה־דראַמע, אויך פאַרטיילט אין 3 אַקטן, נאָר אָפּגעשפּילט אויסער דער בינע.

### ערשטער אַקט — די עקסמיסיע

די ישראלדיקע אָפּערע האָט נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם זאַל. אירע פאָרשטעלונגען פלעגט זי דורכפירן אין זאַל פון „הבימה״, בלויז איינמאָל אין וואָך. צוליב דעם וואָס די „הבימה״ פלעגט יעדן דינסטיק פאַרלירן אירס אַ פאָרשטעלונג, האָט דער אָפּצאָל פאַרן זאַל באַדאַרפט דעקן דעם דאָזיקן היזק. זינט איר עקזיסטענץ, איז די אָפּערע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער ראָל פון אַ סובלאָקאַטאָר, וועלכער קאָן נישט אָניאָגן דאָס הויכע דירה־

געלט. דער חוב איז געוואַקסן, ביז די לייטונג פון דער „הבימה" האָט אויפגעהאַנגען שלעסער אויף די טירן, כדי ניט צו דערלאָזן צו דער באַשטימטער דינסטיק־פאָרשטעלונג, מיט דער טענה, אַז זי דאַרף דעם זאַל פאַר זיך. אָבער די אַרטיסטן פון דער אָפּערע האָבן אַראָפּגעריסן די שלעסער — און יאָ פאָרגעשטעלט. אַזעלכע „ספּעקטאַקלען" פאַר דער געביידע פון „הבימה" האָבן זיך איבערגעחזרט עטלעכע דינסטיקס, ביי אַן אַקטיווער מיטבאַטייליקונג פון „צושויער" — אַלאַרמירטע פּאָליציי און נייגעריקן עולם. בלויז די דערצו באַרופענע פּערזאָנען און רעגירונגס־אַמטן האָבן זיך ניט אַריינגעמישט. עס האָט געשוויגן דער פּרעמיער, עס האָבן ניט געלאָזט הערן זייער שטים דער אינערן־מיניסטער און דער אייגנטלעכער בעל־הבית איבער די ענינים, דער מיניסטער פאַר קולטור דערציונג. אויך די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון תל־אביב, מיט איר בירגערמייסטער חיים לבנון בראש, האָט אין אָנהויב פון אינצידענט אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער אין דעם גאַנצן סיכסוך. ערשט ווען דער ענין עקסמיסיע, אויפגעבראָכענע טירן און אויסגעהאַקטע שויבן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הימלשרייענדיקן געזעלשאַפטלעכן סקאַנדאַל, האָט מר לבנון זיך אָנגעטאָן די טאָגע פון אַ בורר, און צוזאַמען מיט נאָך צוויי יידן געפּסקנט, אַז אין משך פון איין יאָר דאַרף די אָפּערע זיין אַ לאָקאַטאָר ביי דער „הבימה", פאַרן פּרייז פון 318 ל״י פאַר יעדער פאָרשטעלונג, אויסער דער פליכט צו ליקווידירן דעם אַלטן חוב. נאָך אַזאַ פּסק־דין האָט מען געמיינט, אַז אַלץ איז אין אָרדע־נונג. והראיה: די אָפּישן און אָנאָנסן האָבן כסדר אָנגעזאָגט וועגן „טאָסקאַ", „קאַרמען", „ריגאָלעטאָ", „שמשון און דלילה" און אַנדערע ספּעקטאַקלען, וואָס די אָפּערע האָט געגעבן יעדן דינסטיק. מ׳האָט געגלויבט, אַז דער ערשטער, טרויעריקער אַקט פון עקסמיסיע, איז אויך דער לעצטער אַקט, און אַז די אָפּערע איז אַרויס פונעם קריזיס. אָבער ניט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן אַזאַ צושטאַנד.

### צווייטער אַקט — די געריכט־אָנקלאַגע

אין אַ צייט אַרום — אַ פרישע „סענסאַציע": די הויפּט־אַרטיסטין און זינגערין פון דער אָפּערע, אַדיס דע־פיליפּ, האָט דערלאַנגט אין געריכט אַן אָנקלאַגע קעגן דעם מוזיק־קריטיקער ד״ר גראַדנעוויץ, ווייל דער לעצטער האָט אין אַ רעצענזיע שטאַרק אַרונטערגעריסן די אַרטיסטן, די אָפּערע, איר קינסטלערישן און אָרגאַניזאַטאָרישן ניוואָ.

הגם די אָנקלאַגע האָט געטראָגן אַ ריין־פּריוואַטן כאַראַקטער, איז זי אָבער פון ערשטן טאָג אָן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס לגבי די אַלע פּערזאָנען, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו זאָרגן פאַרן קיום פון דער אָפּערע. די אָנקלאָגערין האָט זיך געבעטן ביים געריכט דורכצוקוקן די בוכפירונג און דערציילט גאָר טרויעריקע פאַקטן ווי אַזוי די אָפּערע ראַנגלט זיך פאַר איר עקזיסטענץ, אָן אַן אייגענעם בנין, און שטענדיק פאַרבאָדן אין חובות, בעת די רעגירונג, שטאָט־ראַט און אַנדערע באַרופענע אינסטיטוציעס, ווייזן ניט אַרויס די נייטיקע הילף. די אַלאַרמען און וויי־געשרייען אויפן אויבנדערמאָנטן פּראָצעס האָבן קיינעם ניט גערירט. נאָכדעם ווי דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן, צום גינסטן פון דער אָפּערע, איז ווידער געוואָרן שטיל. די אָפּישן האָבן ווידער אָנאָנסירט דעם „אייזערנעם" רעפּערטואַר: „טאָסקאַ", „קאַרמען", „שמשון און דלילה" און „ריגאָלעטאָ".

### דריטער אַקט — דער טויט

דעם פאַטאַלן דינסטיק פון 5־טן מאַי ה. י. האָט אין דער פּרעסע זיך באַוויזן אַ קאָמוּ־ניקאַט פון דער אָפּערע־דירעקציע, אַז „צוליבן מאַנגל אין בודזשעט, אויסגעוואַקסענע חובות און די פאָדערונגען פון דער „הבימה" צו דערפילן די התחייבותן (500 ל״י נאָך יעדער

פאַרשטעלונג) ווערט די „ריגאַלעטאָ"־פאַרשטעלונג אָפּגערופן און די אָפּערע שטעלט אָפּ איר טעטיקייט. ווייטער ווערט געזאָגט, אַז די רעגירונג־סובווענץ פון 4.000 ל"י אַ יאָר, באַשטימט מיט יאָרן צוריק, איז פאַר דער גאַנצער צייט נישט געהעכערט געוואָרן, בעת אַלץ איז געשטיגען צען־ און צוואַנציק־פאַכיק. דעריבער קאָן נישט די אינסטיטוציע ווייטער אָנגיין מיט איר אַרבעט און איז געצוווּנגען זיך אויפצולייזן.

און שאַ־שטיל, קיין רעאַגירונג מצד דער רעגירונג, תל־אביבער שטאָטראַט, פרעסע, גלייך דאָס ליקווידירן די אָפּערע וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, ממש אַ נויטווענדיקייט... דאָס אָרעמע תל־אביב, וואָס קאָן זיך נישט רימען מיט קולטור־אינסטיטוציעס, דענקמעלער, מוזייען און סטאַבילע קולטור־אויסשטעלונגען, איז נאָך אָרעמער געוואָרן מיט דער אָפּערע — אַ שם־דבר פאַר יעדער גרויסער שטאָט אין דער וועלט. בלויז אונדזער אָפּערע, אַנטשטאַנען נאָך פאַר דער מדינה, איז נישט אַריינגעוואַקסן אין דער פּאַנאָראַמע פון תל־אביב.

אפשר איז שולדיק אין דעם איר קינסטלערישער ניוואָ, צי דער פאַקט וואָס זי האָט געשפּילט בלויז איינמאָל אין וואָך? בדרך כלל האָט אונדזער עפנטלעכקייט אויפגענומען מיט גלייכגילטיקייט די ידיעה, אַז איבער דער ליקווידירטער אָפּערע האָט זיך ענדגילטיק אַראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג, כדי זיך מערער נישט אויפצוהייבן.

דערפאַר אָבער האָט זיך אַנטפּלעקט אַ צווייט בילד: האַרצלאָזע באַציאונג, קנאַפּע זאָרג און ביטול צו אַזאַ חשובער אינסטיטוציע מצד רעגירונג־אינסטאַנצן, מוניציפּאַליטעט, סוכנות און, ליידער, אויך מצד דער עפנטלעכקייט. גראָד ביי דער איצטיקער לאַגע, וואָלט דאָס קולטור־און בילדונג־מיניסטעריום באַדאַרפט נעמען די איניציאַטיוו פון אויפשטעלן אַ נאַציאָנאַלע אָפּערע אין ישראל. אויך אַנדערע אינסטאַנצן און אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמען מיט אַ קאַמפּיין אין לאַנד און אין אויסלאַנד, וואָלטן באַדאַרפט אַרויסווייזן מאַקסימום מי און אָנשטרענגונג, כדי צוריק אויפצושטעלן די פּלאַצווּקע, וואָס ביי אַנדערע פעלקער איז זי אַ שטאָלץ און אַ נויטווענדיקייט. (ג"וו ת"א, 14.5.54)

## געאָגראַפיע, עברית, פרעמדע שפּראַכן און... תכלית

**געווידמעט די פלייסיקע שילער און טרייע לערער אין די אולפּנים פאַר עברית**

— די איצטיקע לעקציע וועט זיין געווידמעט „ידיעת הארץ", לאַנדקענטשאַפט. עוזר, ביטע אויפהענגען אויפן טאָוול די מאַפּע פון ארץ־ישראל.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דער לערער אָנגעהויבן די לעקציע געאָגראַפיע אינעם אולפּן פאַר עברית אין תל־אביב. די 26 שילער פון דריטן קלאַס (פאַר פאָרגעשריטענע) האָבן אָנגעצילט זייערע בליקן אויף דער מאַפּע, וועמענס געלע, גרינע און רויטלעכע פלעקן, מיט דער בולטער טונקל־ברוינער פאַרב פון דער גרענעץ־ליניע, האָבן פאַרגעשטעלט מדינת ישראל.

דאָס דינע שטעקעלע אינעם לערערס האַנט באַוועגט זיך איבער די פאַרביקע פלעקן און אַלעמאָל דערהערט זיך אַ נייער נאָמען, אַן אַנדערע באַצייכענונג: גליל העליון, גליל התחתון, נצרת, עמק בית־שאן, ירושלים, חבל לכיש, דרום, נגב, אילת. נעמען — אַלט־באַקאַנטע, פיל מאָל געהערטע. נאָר איצט, אויף דער שול־באַנק, אַפילו ווען עס זיצן אויף איר בלויז דערוואַקסענע, ווערן די דאָזיקע נעמען פאַרוואַנדלט אין פונדאַסניי־אַנטפּלעקטע ערטער, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר גאַנצע עפּאָכעס פון דער אוראַלטער יידישער געשיכטע און היינטצייטיקער היסטאָריע.

אַזוי דערלערנט מען און מ'דערקענט דאָס אייגענע לאַנד.

בעת די מאַפּע פון ארץ־ישראל שטעלט פאַר בלויז אַ קליינע מדינה, רעפּרעזענטירן די

שילער — אַ מאַפּע פון דער גרויסער וועלט. דאָס האָט יידישער גורל, דורכגעפלאָכטן מיט אייביקער ציון־בענקשאַפט, אַהערגעברענגט יידן פון אַלע ווינקלעך פונעם ערד־קויל. בלויז די תלמידים פונעם דריטן קלאַס אינעם סעמינאַר פאַר עברית, וואָלטן געקאָנט דינען ווי אַ סך יידישע באַצייכענונג־פינטעלעך אויפן וועלט־גלאָבוס. ווייל דער דאָזיקער קליינער קאָלעקטיוו איז דאָך אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פונעם פּראָצעס וואָס הייסט קיבוץ גלויות. יעדער שילער איז אַ באַזונדערער געאָגראַפישער באַגריף, הגם ער באַלאַנגט צו איין נאַציאָנאַלן גוף — צום יידישן פאָלק. אָט איז פאַרטראָטן דער גאַנצער מיטעלער מזרח: עולים פון מצרים, איראַק, סיריע, אַפילו פון ווייטערן אינדיע. עס פעלט בלויז אַ פאָרשטייער פון דער תימנער עליה. אָבער זיי, די תימנער, באַזאַמען מיט זייער ליבע צו אַרבעט, האָבן זיי אויך אַהערגעברענגט די שפּראַך פון די אבות. נאָר אויך אָן זיי איז די קלאַס אַ ברייט־אויפגע־וויקלטער פעכער פון לענדער און קאָנטינענטן. לעבן דעם עלטערן ייד פון אַרגענטיניע זיצט אַ פרוי פון בערלין, וועלכע איז גאָר געבוירן אין פוילן. לעבן דער פרוי פון אונגאַרן זיצט דער גרייז־גראָער עולה פון יוגאָסלאַוויע. און ווייטער — פון בולגאַריע, טערקיי, רומעניע, ענגלאַנד, פאַרייניקטע שטאַטן, פוילן, עסטרייך. אַ שטיק פונעם וועלט־אַטלאַס, אַ בולטע באַשטעטיקונג פונעם „ייד, דער אייבקער וואַנדערער", וואָס איז ענדלעך געקומען צום ברעג.

געטרוי ווי דער באַגער זיך אומצוקערן אַהיים האָט זיי געטריבן אין דער אויפגעריכטער מדינה, אַזוי האָט אויך דער פאַרלאַנג צו פילן זיך ווי אינדערהיים זיי באַוויגן זיך אַוועקזעצן אויף דער שול־באַנק, כדי דעראָבערן די אויפגעריכטע שפּראַך.

אַז די שפּראַך איז געוואָרן אויפגעריכט, ממש אויפגעשטאַנען תחית־המתים — דאָס אונטערליגט נישט קיין שום ספק. אַמבעסטן פילט מען דאָס אויף די לעקציעס פון תנ"ך. פיל ווערטער און אויסדרוקן פונעם תנ"ך האָבן נישט באַקומען קיין בירגער־רעכט אינעם לעבעדיקן, טאָג־טעגלעכן העברעיש. אויס מיטן לשון־הקודש — פאַראַן אַ זאַפטיקער, שפּרודל־דיקער עברית. די פּאָעטישע, אָפּטמאָל מליצהדיקע שפּראַך פונעם ספר־הספרים איז בלויז דאָס אייגנטום פון יחידה־סגולה, לומדים, שרייבער, דיכטער און לערער. דאָס פאָלק באַנוצט זיך מיטן אויפגעוואַכטן עברית. גערעכט איז געווען יהואש אין זיין הקדמה צו דער יידיש־איבערזעצונג פונעם תנ"ך:

„בלעטער פאַלן און בלעטער קומען, און דער שטאַם בלייבט און האַלט אויף די אייניקייט פון דעם בוים. די שפּראַך קריגט צו נאָכאַנאַנד נייע אוצרות, און וואַרפט נאָכאַנאַנד אַראָפּ פון זיך פאַרוועלקטע פאַרמען; אָבער איר רוקנביין בלייבט דער אייגענער, מוז בלייבן דער אייגענער, אויב זי וויל אָנהאַלטן איר יחוס און וויל נישט אָנהייבן איר געשיכטע אַלע פרימאָרגן".

✡

די לעקציעס פון געאָגראַפיע, תנ"ך בירגערשאַפט, קאָרעספּאָנדענץ, ליטעראַטור און אַנדערע — דינען דעם איין־און־אייציקן ציל: דערלערנען די שפּראַך פון די אבות. אמת, אַ גרויסער טייל שילער זענען שוין אַליין „אבות", ד. ה. עלטערן פון דערוואַקסענע קינדער און איינער גרויסט זיך אַפילו דערמיט וואָס ר'איז אַ זיידע. הגם דער קיבוץ־הגלויות האָט געגעבן אַזיל־רעכט צענטליקער לשונות אין דער מדינה, אָבער אָן עברית גייט גאָרנישט צו מאַכן. האָט מען גראָד אויף די עלטערע יאָרן זיך געמוזט פאַרוואַנדלען אין „חדר־יינגלעך", דעם חומש און די גמרא פאַרטוישן אויף דקדוק און מאָדערנע כרעסטאָמאַטיעס.

איבערן גאַנצן לאַנד איז אויפגעשטעלט אַ נעץ פון אולפנים, אָוונטקורסן און קרייזן צו דערלערנען די שפּראַך. דאָס בילדונג־מיניסטעריום, די סוכנות, די מוניציפּאַלע פאַרוואַל־טונגען, פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און אַפילו פּאַרטייען, האַלטן פאַר זייער חוב צו העלפן איינפלאַנצן די הערשנדיקע שפּראַך — איינס פון די בעסטע און ווירקזאַמסטע מיטלען צו

פאַרוואַנדלען דעם קיבוץ הגלויות (צונויפנעם פון גלותן) אין מיזוג הגלויות (צונויפשמעלץ פון גלותן).

אויף אַן אולפּן איז די זאַך שווערער און קאָסט טייערער (50 ל״י פאַר 5 חדשים לימוד). פונדעסטוועגן האָבן די אולפּנים דעם גרעסטן דערפאָלג. דאָ ווערט געלערנט אינטענסיוו, מיט די בעסטע פּעדאַגאָגישע כוחות און טאָקע — אַ סך, קאַרגע 30 שעה אין וואָך, ווי אין אַ נאָרמאַלער שול.

די לאָזונג וועלכע ס'האָט מיט העכער 40 יאָר צוריק געוואָרפן אין ירושלים דער אויפלעבער פון דער העברעישער שפּראַך, אליעזר בן־יהודה, „צו לערנען עברית דורך עברית“, באַמיט מען זיך אָנווענדן אין די אולפּנים, ווינציקסטנס — אין די העכערע קלאַסן. דאָס לעבן איז אָבער שטאַרקער פון אַלע פּרינציפּן. אַפילו די אוואַנסירטע אין דער שפּראַך וועלן נישט טופס זיין דעם אמתן זין פון וואָרט אדיבות (העפלעכקייט), אויב ס'וועט גלייך נישט קומען קיין אויסטייטשונג אין ענגליש, פּויליש צי דייטש אָדער אין מאַמע־לשון. און ווויל איז דעם לערער, וואָס קאָן אויך אַביסל אַראַביש צי פראַנצויזיש.

די 26 אולפּניסטן פון דריטן קלאַס רעפּרעזענטירן נישט קיין 26 לענדער, צי אַזאַ צאָל שפּראַכן (הגם אין אונדזערע צייטן האָט אויך אַזאַ זאַך געקאָנט פּאַסירן...) אָבער אָן דער מיטהילף פון עטלעכע לשונות, וואָלט שווער געווען צו לערנען העברעיש. וויצלען זיך אָפּטמאָל די אולפּניסטן, אַז מען לערנט זיי אַלע שפּראַכן, אויסער... עברית. נאָר דאָס איז בלויז אַ וויץ. ס'איז גאָרנישט פאַרשעמט צו בלייבן מיטן עברית פון די אַבסאָלווענטן פונעם אולפּן: די אויסשפּראַך ביי זיי — אַ ריינע, הגם נאָך מיטן אַקצענט פונעם אָפּשטאַם־לאַנד; דאָס שרייבן — כמעט אָן פאַרוואָרף, און די צוגעאייגנטע כללים פון דקדוק (גראַמאַטיק) — איז אויך נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

נישט אַלע די וואָס האָבן זיך אָוועקגעזעצט לערנען, מיינען טאַקע זיך יאָגן נאָך אַרבעט. אַ טייל פון זיי האָט עס געטאָן צוליב די... קינדער. אונדזערע סאַבּרעס ווייסן שוין יאָ דעם זין פונעם וואָרט אדיבות, זיי זענען אָבער ווייט פון צו זיין העפלעך, ווען מען דאַרף אייגענע טאַטע־מאַמע פאַרבעסערן זייער שלעכטן עברית. אין אַזאַ פאַל איז דאָס קליינוואָרג אָן רחמנות. מיט אָנגעשפּיצטע אויערן גייען זיי אַרום אין שטוב, גרייט יעדער רגע אויפכאַפּן אַ נישט־ריכטיקן עברית־קלאַנג, אַ פאַרגרייזט וואָרט, צי אַ נישט־פּאַסיקן אויסדרוק. זיי פאַרבעסערן גלייך דעם פעלער און מיט אַ מוסר־טאָן גיבן זיי צו:

— נישט אַזוי זאָגט מען, נאָר אַנדערש. ווי אַזוי רעדסטו עברית?

בלייבט מען פאַרשעמט פאַרן אייגענעם קינד וואָס זייער אָפט קומט עס אויך בעטן דעם טאַטנס אָדער מאַמעס הילף ביים צוגרייטן די לעקציעס אין שול. דאָס אַליין טרייבט אַ סך אָוועקצוגיין אינעם אולפּן, כדי שפּעטער קאָנען לערנען דעם אייגענעם זון צי טעכטערל און מיטגיין מיט זייער שפּראַך. פון די סאַבּרעס איז נישט צו דערוואַרטן קיין מילדקייט, אויב מען איז צוריקגעשטאַנען, אַפילו ווען דאָס זענען לייבלעכע עלטערן...

☆

אָבער אויך דאָס לעבן איז נישט מילד.

ווייל אַפילו ווען דער אַבסאָלווענט באַקומט די צייגניש אַז ער באַזיצט דעם נייטיקן מינימום שפּראַך־קענטעניש, מיינט עס נאָך נישט אויסזיכטן צו באַקומען אַרבעט, אָדער אַ שאַנס צו ווערן אריינגעפלאָכטן אינעם בוי־פּראָצעס פון דער מדינה.

דער רוב תלמידים אויף די אולפּנים זענען פרויען, ווײַל מענער אַרבעטן און די שטוב איז פיל־וויניק איינגעאָרדנט. אָבער די פאַרדינסטן סטייען נישט, שווער אָנצויאָגן דעם יקרות. ווי זאָגט איין אולפּניסטין: „כ'וועל זיך פריער אויסלערנען אַ גוטן עברית, איידער דער לוין פון מיין מאַן וועט קלעקן אויף אַלעמען“. דערפאַר מיינען אַ סך, אַז די אולפּן־

ציגייניש קאָן דינען ווי אַן „אַריינפאַר־וויזע" אין אַ ביוראָ צי אינסטיטוציע. דערוואַרט זיי נישט קיין אַנטוישונג?

קלאָר, אַז פאַר דער טוריסטין פון לאָנדאָן, וועלכע איז נאָך אינמיטן אולפּן צוריקגעפאָרן צו אירע עלטערן, ווו זי וועט ממשיך זיין אַלס לערערין אין אַ מאָדערניזירטער תלמוד־תורה פון דער בריטישער אגודת ישראל — עקזיסטירט נישט דאָס פּראָבלעם פון געפינען אַרבעט. ס'איז דערמיט אויך נישט באַזאָרגט דער עולה פון פּערסיע, וועלכער זיצט שוין אויף אַ רעגירונג־פּאָסטן העכער 4 יאָר. און גאָר ווייניק קימערט זיך וועגן מאָרגן די ענגליש־לערערין אין איינער פון די תל־אביבער אָוונט־שולן פאַר שפּראַכן, אָדער די אַבסאָלווענטין פון אַן אַמעריקאַנער הויכשול, וואָס באַזיצט אַן אַקאַדעמישן אַטעסטאַט און דער ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות וואַרט מיט אומגעדולד זי אויפצונעמען צווישן זיינע וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבע־טער. פאַר די יונגיטשקע עולים פון טערקיי און אינדיע — וועלן נאָך זאָרגן די עלטערן. אויך דער מיליטער־מאַן אויפן אולפּן, דער עולה פון מצרים, וועט מן־הסתם שוין פאַרבלייבן אין סטאַבילן צה"ל־דינסט.

אָבער וואָס זאָל פאַרט טאָן דער מיט אַ האַלב יאָר צוריק געקומענער עולה פון פּוילן, צי די פרוי פון רומעניע, וועלכע וויל איר קראַנקן מאַן העלפן אין עול פּרנסה? ווייל אויסער דער שפּראַך פעלט זיי נאָך א... פאַך. אמת, דאָס אַרבעט־מיניסטעריום און די סוכנות שטייען צו הילף. דאָס האָבן זיי געעפנט קורסן פאַר בוכהאַלטעריע און ביוראָ־אַרבעט. נאָר דאָס מיינט — ווידער זיך אַוועקזעצן אויף דער שול־באַנק, לאַנגע חדשים דערלערנען די וועלט פון ציפערן און... ביוראָקראַטיע. קאָן מען זיך דערלויבן אַזאַ לוקסוס נאָך אַמאָל?

ערשט מיט געציילטע יאָרן צוריק איז פאַר אַ געענדיקטן אולפּניסט צי אולפּניסטין געווען אָפן טיר־און־טויער פון פאַרשידענע אַמטן, אינסטיטוציעס צי אונטערנעמונגען. די באַקומענע ציגייניש איז געווען ווי אַ יחוס־בריוו אויף צו ווערן אָנגענומען אויף אַרבעט. איצט איז די זאַך שווערער און קאָמפּליצירטער.

וואַקסט דער אומרו און זאָרג וואָס נענטער ס'ווערט דער טערמין פון באַקומען דעם „אַטעסטאַט" אַלס אולפּניסט. די פראַגע פון תכלית שטייט אין דער גאַנצער שאַרף ביי די, וואָס ווילן געבן זייער צושטייער דעם בנין־הארץ. (אד"וו ת"א, 19.1.56)

# אַ „ליטעראַריש פּראָבלעם"

**די פּאַסירונג — אַן אמתדיקע, די נעמען — צוגעטראַכטע.**

**א**

יחיאל, דער סעקרעטאַר פון קיבוץ, איז געזעסן ביים שרייבטיש אויף וועלכן ס'איז געלעגן אָנגעהויפט די אָקערשט געבראַכטע פּאָסט. ווי דער שטייגער, האָט ער געוואָלט ברענגען אין אָרדענונג די פאַרשידענע פּאַקעטן, בריוו און קאַרטלען, פאַרטיילן זיי לויט דער באַשטימונג און אַדרעסן. מיטאַמאָל איז זיין בליק געפאַלן אויף אַ ווייסן קאָנווערט מיטן עמבלעם פון דער מדינה — די מנורה מיט זיבן רערן — און אַן אויפשריפט „מלוכהשער פּרעסע־אַמט". אינסטינקטיוו האָט ער דערפילט, אַז אין דעם דאָזיקן בריוו איז פאַראַן עפּעס נייעס און אַפילו אינטריגירנדיקס. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם קאָנווערט אין האַנט און בשעת־מעשה געטראַכט, אַז זיין פילאַטעליסטישע זאַמלונג וועט דאַסמאָל נישט באַרייכערט ווערן, ווייל אָפיציעלע קאָרעספּאָנדענץ ווערט געשיקט אָן מאַרקעס. דערפאַר אָבער מוז אינעווייניק זיין עפּעס וויכטיקס. מען דאַרף שוין עפענען דעם בריוו און דאָס איבעריקע לאָזן אויפן טיש — אַ זאַך וואָס ער פלעגט קיינמאָל נישט טאָן.

פון דעם אויפגעריסענעם קאָנווערט האָט ער אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר, ווידער־אַמאָל פאַרזען מיטן עמבלעם פון מדינת ישראל און דעם נאָמען פון דער אינסטיטוציע. ער האָט שנעל איבערגעלייענט די דייטלעכע אותיות פון דער שרייבמאַשין, אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט, דערנאָך זיך אַ רייב געטאָן אין שטערן און פאַרשריבן אין זיין נאָטיץ־ביכל „צו דער זיצונג פון סעקרעטאַריאַט".

אָבער ווי אַזוי באַצייכענען דעם פּונקט וואָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן? אַ וואָסער נאָמען אים געבן? ער, וואָס האָט שטענדיק געפונען די ריכטיקע פאָרמולירונג און קלאָרן זאַץ פאַר יעדן ענין צו באַהאַנדלונג אין די אינסטאַנצן, האָט דאָסמאָל נישט אויסגעפונען די עטלעכע נייטיקע ווערטער אויף צו פּרעציזירן דעם פּונקט צום טאָג־אָרדענונג. צופיל קלערן האָט מען נישט געטאָרט (אַזויפיל אַרבעט וואַרט נאָך דעם היינטיקן טאָג!), האָט ער אַ רעזיגנירטער אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און צוגעשריבן: „בעיה ספרותית" — אַ ליטעראַריש פּראָבלעם, הייסט דאָס...

ב

צומאָרגנס, אויף דער זיצונג פון קיבוץ־סעקרעטאַריאַט, זענען פריער פאַר אַלעמען באַהאַנדלט געוואָרן אַנדערע ענינים: וועגן רעגן וואָס קומט נישט; וועגן דער מויל־און קלאָען־קראַנקהייט וואָס דראָט דער סטאַדע; וועגן פאַרשטאַרקן די זיכערהייטס־מיטלען צוליבן דערהרגעטן אַריינדרינגלער מיט צוויי טעג צוריק; פּערסאָנעלע פראַגן; אַרבעט־פאַרטיילונג; באַהייצונג פון די צימערן אדג"ל. ביז ס'איז געקומען די ריי אויפן „ליטעראַרישן פּראָבלעם". דאָס וואָרט האָט באַקומען יחיאל:

— נעכטן האָבן מיר דערהאַלטן אַ בריוו פון מלוכהשן פּרעסע־אַמט אין תל־אביב. עס וואָלט געוווען אַ יושר אים איבערצולייענען ווי ער גייט און שטייט, נאָר צוליב דער שפּעטער צייט וועל איך רעפערירן בלויז זיין תמצית. אַלזאָ: מיט אַ צייט צוריק האָט אַן אַמעריקאַנער שרייבערין באַזוכט אונדזער קיבוץ און שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פון זיינע מענטשן, פון דער אידעע, און דער עיקר איז זי פול מיט באַוווּנדערונג פאַר אונדזער גבורה בעתן באַפריי־אונג־קריג אין 48־טן יאָר. איצט וויל די דאָזיקע פרוי זיך אומקערן צו אונדז, כדי דאָ אויפן אָרט דערלערנען די געשיכטע פון אונדזער ווידערשטאַנד און אויסדויער, דערקאָנען פון דער נאָענט די מענטשן און אָנשרייבן וועגן דעם אַ בוך וואָס אַ באַוווּסטער פאַרלאַג אין ניו־יאָרק האָט פון פאָראויס זיך פאַרפליכטעט אַרויסצוגעבן. די שרייבערין — אגב נישט קיין יידישע — וועט מיט אונדז פאַרברענגען אַ חודש צייט און דער קיבוץ דאַרף איר אַרויסווייזן מאַקסימום הילף, דערמעגלעכן אַ צוטריט צו די מענטשן, צו דער ביבליאָטעק, אַרכיוון און טאָג־ביכער פון יענער תקופה...

— האָסט געענדיקט? — האָט עמעץ אַ פרעג געטאָן.

— יאָ!

— וואָסזשע לייגסטו פאָר?

— ענטפערן פּאָזיטיוו.

און דער באַשלוס איז געפאַלן.

ג

אַ צופרידענער פון דער זיצונג איז יחיאל אַוועק צו זיך אין צימער. זיין „ליטעראַריש פּראָבלעם" האָט געפונען אַ גינסטיקע לייזונג. שוין יאָרן ווי ער פרעגט זיך און אַנדערע: פאַרוואָס זאָל דער וווּנדערלעכער באַשאַף וואָס הייסט קיבוץ — נישט געפינען קיין אָפּשפּיגלונג אין דער וועלט־ליטעראַטור? זיכער וועט דער קיבוץ אויך ביי אונדז ווערן חשובער און דערהויבענער, ווען אין אַמעריקע וועט אַ באַוווּסטע שרייבערין און אַ באַרימטער פאַרלאַג אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין די אייגנאַרטיקע יצירה פון אַ געפּלאָגט פאָלק, וואָס

האָט „נאָך צוויי טויזנט יאָר" זיך אומגעקערט אַהיים. ווייל אויסער דעם אַלגעמיין־ישראַלדיקן באַטייט פון אַזאַ ראָמאַן, האָט ער מיט אַ באַזונדערער הנאה אַ קלער געגעבן מיט לאָקאַל־פּאַרטריאָטישע קאַטעגאָריעס: זיין קיבוץ, זיין היים וועט באַקומען אַ תיקון אין אַ ספר. די פעלדער פון זיין קאָלעקטיוו, די אָקאָפּעס און פּאָזיציעס מיט 13 יאָר צוריק, די לעבעדיקע און געפאַלענע (דאָ האָט אַ טיפער זיפץ באַגלייט די דאָזיקע מחשבה), וועלן ענדלעך פאַראייביקט ווערן. אמת, אין ישראל און אין דער וועלט דערשיינען טאַקע אַ סך ביכער, אָבער מען שרייבט אין זיי אַזוי ווינציק אָדער גאָרנישט וועגן קיבוץ. אַפילו אין דער ישראלדיקער ליטעראַטור האָט דער קיבוץ נאָך נישט פאַרנומען די מזרח־וואַנט — זאָל ער כאָטש ביי גוים האָבן מער מזל...

צו זיין שטוב אין יחיאל נאָך אַלץ נישט דערגאַנגען. אים איז באַפאַלן אַ חשק צו שפּאַצירן און נאָכקלערן. די געדאַנקען פליסן ווייטער — און אַלץ אַרום דעם דערוואַרטעטן גאַסט פון אַמעריקע און איר אויפגאַבע דאָ... וואָס שייך דעם דערפאַלג פונעם אָנגעזאָגטן ראָמאַן — איז יחיאל אָפּטימיסטיש. סיי ליטעראַריש, סיי פינאַנסיעל. דער עצם פאַקט וואָס די שרייבערין וועט זיצן אין קיבוץ ביים שילדערן זיין גבורה, באַווייזט מיט אַ וואָסער ערנסטקייט און פּיעטעט זי באַציט זיך צו דער באַהאַנדלטער טעמע. ער ווייסט, אַז זי איז גענוג טאַלענטירט און פאַרמאָגט די בייטיקע שרייבערישע רוטין, כדי נאָכן אַדורכלייענען פאַרשידענע מאַטעריאַלן, וואָלט איר נישט שווער געווען אָנצושרייבן דאָס בוך זיצנדיק אין... ניו־יאָרק. נאָר אויב זי פאַרבינדט איר שרייבערישע אויפגאַבע מיטן גלייכצייטיקן באַזעצן זיך אין אַ גרענעץ־פּונקט אין ישראל, כדי די אויגן זאָלן זען דעם געשילדערטן אָביעקט און די מענטשן — דאַרף דערפון אַרויסקומען אַ גוטע זאַך.

— מי זה? — האָט אַ שאַרפער פרעג מיטאַמאָל איבערגעריסן די נאַכט־שטילקייט. אַן אָנגעצילטער אויטאָמאַט פון נאַכט־וועכטער האָט זיך צוריק אַרויפגעצויגן אויפן אַקסל, און שוין מיט אַ ווייכערער שטים האָט ער געזאָגט:

— גיי שלאָפן, יחיאל. שרעק נישט קיין מענטשן. די שעה איז אַ שפּעטע...

## ד

ריכטיק, מען דאַרף גיין שלאָפן. אינדערפרי, האַלב זעקס, מוז מען ווידער זיין אויף די פיס. נאָר וויאַזוי איינשלאָפן, אַז די געדאַנקען שלאָגן אין קאָפּ. און אַלץ צוליב דעם בריוו, אָדער — „דאָס ליטעראַרישע פּראָבלעם" מיט דער נישט־יידישער שרייבערין אין קיבוץ. מען דאַרף באַצייטנס אַ טראַכט געבן וועגן צוויי אָנטשפּרעכנדיקע צימערלעך פאַר אירטוועגן. נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין אַ חודש אַרום זאָל זי שוין דאָ זיין. ווו נעמט מען אַ חברטע וואָס רעדט אַ גוטן ענגליש און זאָל שטיין צו איר דיספּאָזיציע? בדרך כלל זענען געסט אַ לאַסט פאַרן קיבוץ, דערצו נאָך אַ שרייבערין פון אַ פרעמדער וועלט און פון אַזאַ ווייט לאַנד. יחיאל איז אָבער זיכער, אַז אַלץ וועט זיך ווי אַמבעסטן איינאָרדענען, ווי זיי רופן עס דאָרט אין אַמעריקע — מיט אַ „העפּי ענד".

ער גייט אַריין צו זיך אין צימער, קריכט אַריין אין בעט מיטן באַשלוס איינצושלאָפן. נאָר דער מלאך פון מחשבות וואַכט איבער אים. אוי־וויי, וויפל אַזאַ בריוו לאָזט טראַכטן:

...ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק האָט ער זיך געטראָפן אין תל־אביב מיט זיין פעטער שלמה. ביי טאָג אַרבעט ער אַלס רעגירונג־באַאַמטער און אין די אָוונטן, שבתים און יומטובים שרייבט ער יידישע לידער און פּראָזע. פאַר די צען יאָר וואָס דער פעטער איז דאָ אין לאַנד, האָט ער שוין הינטער זיך אַ פיינעם ליטעראַרישן באַגאַזש — דיכטונג, רעצענזיעס איבער ביכער, דערציילונגען און — אַ גאַנץ בוך אין כתב־יד. עס ליגט ביי אים פאַרטיק, אויסרעדאַגירט, מיט פיל גינסטיקע אָפּרופן פון מבינים וואָס האָבן געלייענט אַ טייל פון מאַנוסקריפּט,

צי אײנגאַנצן — נאָר אָװעקגעבן אין דרוקערײ, ס'זאָל װערן אַ ספר. אָבער װאָס קומט אַרױס? אױסער יצירה, דאַרף אַ ײדיש־שרײַבער אין ישראל אױך באַזיצן קאַפּיטאַל. ער מוז צוטראָגן זײַן געלט דעם פֿאַרלאַג װאָס באַװיליקט אַרױסצוגעבן דאָס בוך. הײסן הײסט עס — זיכערן אַ מינימום פֿאַרקויף פֿון אַ באַשטימטער צאָל עקזעמפּלאַרן. דער שרײַבער „קױפֿט אָפּ" פֿאַר זיך עטלעכע הונדערט קאָפּיעס פֿונעם אײגענעם בוך. פֿאַרשטײט זיך, אַז ער װעט די אײנגע־האַנדלטע ביכער נישט מאַגאַזינירן, נאָר פֿאַרקױפֿן, װערן אַ מוכר־ספֿרימניק פֿונעם אײגענעם װערק.

...אַזױ האָט מיר דערציילט דער פֿעטער שלמה — טראַכט װײַטער אַ מידער יחיאל. — אָבער װי קום איך צו אים? מײַנע מחשבות האָבן זיך גאָר אָנגעהױבן בײַ דער אַמעריקאַנער שרײַבערין. נישט אַנדערש — איך האַלט שױן בײַם אײַנשלאָפֿן און דערפֿאַר אַזאַ פּלאָנטער, הגם צוריקגעשמועסט — איז עס גאָרנישט קײן פּלאָנטער, נאָר געשעעניש װאָס בעטן זיך ממש צו פֿאַרגלײַכן. יחיאלן װערט עפּעס ליכטיק. אָט האָט אַן אַמעריקאַנער פֿאַרלאַג באַצאָלט פֿאַרױס דער שרײַבערין און געזיכערט דאָס דערשײַנען פֿון אַ בוך װאָס דאַרף ערשט אָנגעשריבן װערן. זי, די שרײַבערין, װעט זיצן אַ צײַט אין קיבוץ און נישט ציטערן, אַז איר אַרבעט װעט בלײַבן ליגן אין שופֿלאָד. בעת זײַן פֿעטער האָט שױן פֿון לאַנג צוגעגרײט צום דרוק זײַן בוך, מוז ער זיך איצט ברעכן דעם קאָפּ צונױפֿצושטעלן אַ גענוג גרױסע סומע פֿאַר די אַרױסגעבער...

די אױגן פֿון יחיאלן הײבן זיך אָן פֿאַרמאַכן. אָט שלאָפֿט ער אײַן — נאָר מיטאַמאָל װאַרפֿט זיך די מחשבה איבער ערגעץ־אַנדערש. די שרײַבערין פֿון אַמעריקע געפֿעלט אים זײער, הלמאי זי װיל נישט שרײַבן פֿון אױסנװײניק, נאָר שילדערן דעם קיבוץ פֿון דער נאָענט: אָבסערװירן און שרײַבן. ער איז נישט זיכער צי איז דאָס אַזױ טיפּיש אַמעריקאַניש, אָבער טיפּיש שרײַבעריש — איז עס אַװדאי. „װער דעם דיכטער װיל פֿאַרשטײן, מוז אין דיכטערס לאַנד גײן..." היטן אױך אונדזערע שרײַבער אָפּ דעם דאָזיקן כּלל? און פֿאַרװאָס זאָלן זײ בכלל אױסמײַדן דעם קיבוץ אין זײער שרײַבן? איז דען פֿאַראַן אין ישראל אַ מער דאַנקבאַרע טעמע?

מיטאַמאָל האָט יחיאל דערפֿילט, אַז דער אױף שנעל פֿאַרצײכנטער (און אפשר — אומגעלומפּערטער) פּונקט „אַ ליטעראַריש פּראָבלעם" — האָט אױפֿגעהערט זײַן אַן ענין נאָר פֿון קיבוץ. נײן — דאָס איז אַ פּראָבלעם — און נאָך אַ װאָסערער — פֿון בײדע ליטעראַטורן אין לאַנד, פֿון די שרײַבער, אַרױסגעבער און אַפֿילו — לײענער. אָט דאָס הײסט אַלײן אױף זיך אָנגעקנױלט ענינים. נישט אַנדערש — כ'װעל שױן הײנטיקע נאַכט נישט צוטאָן קײן אױג...

דער געקרײ פֿון די הענער האָט אָנגעזאָגט דעם אָנקומענדיקן טאָג.

## ה

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט די פּאָסט געבראַכט אין קיבוץ אַ בריװ פֿון ניו־יאָרק. ער האָט אים גלײַך געעפֿנט און מיט זײַן שװאַכן ענגליש איבערגעלײענט די װאַרעמע דאַנק־װערטער פֿון דער אַמעריקאַנער שרײַבערין פֿאַר דער גאַסטפֿרײַנטלעכקײט אין קיבוץ, פֿאַר דער מענטש־לעכער באַציאונג און אַלזײַטיקער הילף, װעלכע מ'האָט איר אַרױסגעװיזן בײַם שרײַבן דאָס בוך. זי איז איבערצײַגט, אַז די טעג װעלכע זי האָט פֿאַרבראַכט אין קיבוץ, װעלן פֿאַר איר זײַן נישט בלױז אַ טיפֿע איבערלעבונג, נאָך אַ כּסדרדיקע אָנרעגונג נאָכצוטראַכטן װעגן גורל פֿון ײדישן פֿאָלק און באַזונדערס װעגן זײַן גרױסער נאַציאָנאַלער רעװאָלוציע אין דער ײדישער מדינה. װי נאָר דאָס בוך װעט דערשײַנען (און דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון בלױז עטלעכע װאָכן), װעט זי אַװדאי זיך פֿאַרמעסטן אָנצושרײַבן אַ צװײט בוך װעגן ישראל. זי אָטעמט נאָך אַלץ מיט ישראלדיקער לופֿט און װיל שילדערן די דאָזיקע סבֿיבֿה...

און צום סוף: „ווי נאָר ס'וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט, וועל איך מיט פרייד אייך ווידער באַזוכן".

יחיאל האָט אויפגעהערט צו פאַרנעמען זיך מיט דער פּאָסט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט נעכטן, שבת, איז ביי אים געווען צו־גאַסט זיין פעטער שלמה. יאָ, זיין אָנגעשריבן בוך ליגט נאָך אַלץ אין שופלאָד, הגם נאָך שרייבער און קענער האָבן אין כתב־יד אַדורכגעלייענט די שאַפונג, געלויבט זי און צוגעזאָגט אויפצושטעלן אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, שרייבן קיין אַמעריקע וועגן שטיצע אָדער פּראָקלאַמירן אַ פּאָרפּאַרקויף פון בוך, כדי שאַפן די נייטיקע סומע געלט עס אַרויסצוגעבן. דערווייל זענען דאָס אַלץ געווען צוזאָגן און אַפילו דערמוטיקנדיקע רייד — אָבער אָן ממשותדיקע רעזולטאַטן. פון דעם אַלעמען איז דאָס בוך נאָך נישט דערשינען. דער יידיש־שרייבער, פּונקט ווי זיין קאָלעגע וואָס שאַפט אין עברית, מוז נאָך צוטראָגן געלט, אויסער די גייסטיקע און פיזישע אינוועסטיציע וועלכע ער האָט אין משך פון חדשים צי יאָרן אַריינגעלייגט אינעם בוך. ווען וועט אויך ער זוכה זיין? ווי לאַנג דאַרף ער נאָך וואַרטן אויף צו זען די צייטיקע פּרוכט פון זיין מי?...

יחיאל האָט מעלאַנכאָליש אַ טראַכט געגעבן, אַז אַ „ליטעראַריש פּראָבלעם" ביי אונדז מיינט נישט נאָר שאַפן באַדינגונגען אויף אָנצושרייבן אַ בוך, נאָר אויך — זיכערן זיין דערשיינען...

(י"ש ת"א, 16.4.62)

## דער טויטער פּאַראַגראַף פון העברעישן שרייבער־פאַריין

מיט צוויי צענטראַלע פּראָבלעמען לעבט, אָטעמט און ראַנגלט זיך נאָך אַלץ די יידישע מדינה אין 21סטן יאָר פון איר קיום און 19 חדשים נאָכן זעקס־טאָגיקן קריג: זיכערקייט און עלייה, וואָס בינדן זיך אָרגאַניש מיט דער עיקרדיקער שטרעבונג און בענקשאַפט פונעם לאַנד צו דערגרייכן אַ סטאַבילן שלום. ווייל וואָס שטאַרקער אונדזער זיכערקייטלעכער פּאָטענציאַל און גרעסער די עלייה — אַלץ מערער שאַנסן צו דערשלאָגן זיך צו אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבישע שכנים. דעריבער ווערט מצד דער מדינה געטאָן אַזוי פיל אויפן פּראָנט פון בטחון און עלייה. ביידע פעסטיקן די מדינה און שטאַרקן די אויסזיכט אויף שלום.

וויפיל געוואַגטע מחשבה, איניציאַטיוו און געלט־מיטלען זענען אינוועסטירט געוואָרן, כדי די פּרימיטיווע און קנאַפּע באַוואָפענונג פון צה"ל בעת דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, זאָל מיט דער צייט פאַרביטן ווערן אויף די מאָדערנסטע כלים? אַז דאָס היימישע עראָפּלאַנדל, דער א. ג. „פּרימוס", זאָל אָפּטרעטן זיין אָרט דעם „אוראַגאַן", „מיסטער" און „פאַנטאָם"? פּונקט ווי די לייוונטענע געלטן און הילצערנע באַראַקן אין וועלכע מען האָט אויפגענומען די מאַסן־עלייה אין די יאָרן 1948—1953, פּאַסן נישט אַלס ערשטע דירה פאַרן עולה אין די זעכציקער יאָרן. די דינאַמישע אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל אויף אַלע געביטן, איז געווען דער שטאָלץ פון אירע בירגער, פּונקט ווי זי האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי פריינד אין דער וועלט און קנאה ביי די שכנים.

פאַראַן אָבער אין לאַנד צוויי זייער וויכטיקע, אויטאָריטעטע און בכבודיקע אינסטיטוציעס, וועלכע קלאַמערן זיך אין פאַרשטיינערטע געזעצן און פאַרעלטערטע תקנות, וואָס שטייען אין אַ בולטער סתירה צו דעם וואָס קומט פאָר אין דער מדינה און זענען אַ וויכטיקער שטער ביים אויפנעמען און איינאָרדענען די נייע עליה: דער ראַבינאַט און דער... העברעישער שרייבער־פאַראיין (אגודת הסופרים העברים) אין ישראל.

דאָס מאָל וועלן מיר צורו לאָזן דעם ראַבינאַט. מען דערציילט, אַז אַפילו אין דעם דאָזיקן, קאָנסערוואַטיוון און דאָגמאַטישן וועלטל, איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג צום גוטן, אַ פאַר־

לייכטערונג פאַר א. ג. געמישטע פאַרלעך. דער נישט־יידישער פרוי וועט מען צוויילן דאָס מגייר זיין און זי וועט באַפרייט ווערן פון גיין אין מקווה... אויב דאָס איז אמת, איז אַ סימן, אַז אונדזערע רבנים האָבן זיך דערלויבט פון דעסטוועגן צו ענדערן אַ וויכטיקע תקנה אין שולחן ערוך און פאָרט זיך גערעכנט מיט אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע עולים, וואָס קומט איצט באַזעצן זיך אין ישראל.

בלויז דער העברעישער שרייבער־פאַראיין איז ביז היינט געבליבן טריי זיין „שולחן ערוך" — און די טויערן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זענען הערמעטיש פאַרשלאָסן פאַר יענע פען־מענטשן אין ישראל, וועלכע שרייבן נישט אין העברעיש. זענען מיר דערגאַנגען צו אַזאַ אַבסורדאַלער לאַגע, אַז אַזעלכע דיכטער און שרייבער ווי י. פאַפּיערניקאָוו, יעקב־צבי שאַרגעל, אריה שמרי, לייבל חן־שמעוני, אברהם לעוו און אַנדערע, וועלכע האָבן הינטער זיך נישט נאָר אַ „סטאַזש" פון 30־40 יאָר חלוצישע טאַט אין לאַנד, נאָר זייער גאַנצע ליטע־ראַרישע יצירה איז דורכויס ארץ־ישראלדיק — טאָרן נישט זיין קיין מיטגלידער אין העברעישן שרייבער־פאַראיין, ווייל... די שפּראַך פון זייער שאַפונג איז יידיש.

צוליב דעם זעלבן „חטא", זענען אַזעלכע עכט יידיש־נאַציאָנאַלע און ישראלדיקע שרייבער און פּאָעטן, בירגער פון אונדזער מדינה, ווי איציק מאַנגער, אברהם סוצקעווער, יעקב פרידמאַן, בינם העלער, ישעיהו שפּיגל, לייב אָליצקי, ל. מאָרגנטוי, רהל אויערבאַך, שלמה ווארזאַגער און נאָך און נאָך — פּסול אַלס מיטגלידער אינעם העברעישן שרייבער־פאַראיין. די אַלע מוזן זיך באַגנוגענען מיט דער אָנגעהעריקייט צום „יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין" וועלכער האָט נישט, אגב, קיין שום נאָענטע באַציונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די עברית־שרייבנדיקע קאָלעגן.

ווי באַוווסט, האָט שלום אַש זיך באַזעצט אין ישראל עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט און זיך אויפגעשטעלט זיין היים אין בת־ים. אויך ער, דער גרויסער יידישער שרייבער, וואָס כמעט אַלע זיינע ביכער און פּיעסן זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פאַרשיידענע לשונות, בתוכם אויך עברית — וואָלט נישט געקענט זיין קיין חבר אינעם פאַראיין אין „בית טשערניכאָווסקי". אים וואָלט אַפילו נישט בייגעשטאַנען דער זכות פון זיינעם אַ באַזוך אין ארץ־ישראל נאָך אין יאָר 1908 און דאָס בוך וואָס איז דערשינען (אין ווילנע, 1911) „אין ארץ־ישראל" און אין יאָר 1938 — „דאָס געזאַנג פון טאָל", די פּאָעטישע שילדערונג פון דעם חלוצים־לעבן אין א"י. אין יענע יאָרן, ווי באַוווסט, האָט דער נאָבל־פּרייז טרעגער ש"י עגנון, נאָך אַלץ באַשריבן און באַזונגען (טאָקע אין העברעיש) זיין שטעטל בוטשאַטש, בעת שלום אַש האָט שוין געהאַט ווייט־ווייט הינטער זיך זיין שטעטל און אין צוויי ספרים געשילדערט די מדינה אונטערוועגנס.

☆

אין אַן אַלט יידיש פאָלקסליד חזרט זיך איבער דער רעפריין „ווייל אין אַלץ איז שולדיק דער פסוק, דער פסוק, דער פסוק..." יאָ, אינעם סטאַטוט פונעם העברעישן שרייבער־פאַראיין איז טאַקע פאַראַן אַ פסוק, וועלכער זאָגט בפירוש, אַז צו אים קענען געהערן נאָר יענע פען־מענטשן, וועלכע שרייבן עברית. אויב בלייבן טריי דעם דאָזיקן טויטן פּאַראַגראַף (און אַלע ביז איצטיקע פאַרוואַלטונגען פונעם שרייבער־פאַראיין האָבן דעם פּונקט שטאַרק אָפּגעהיטן), איז מעגלעך, אַז אַ קאַטוילישער גייסטלעכער, וועלכער האָט געלערנט די ביבל אין אָריגינאַל, זאָל אָנשרייבן אין לשון־קודש אַ צוויי טעאָלאָגישע טראַקטאַטן, זיי פאַרעפנטלעכן אין בוך־פאָרם און ווינען אין ישראל אַלס שליח פון פויפּסט — און ער איז באַרעכטיקט צו געפינען זיך אין דעם פאַראיין פון די עברית־שרייבערס אין ישראל. בלויז פען־מענטשן, וואָס הגם זיי זענען געבוירענע יידן, ווינען אין יידישן לאַנד, ליבן זייער אייגן פאָלק און מדינה, נאָר שילדערן אין זייער פּאָעזיע און פּראָזע די לאַנדשאַפט, דעם געראַנגל און העלדישקייט פון

מדינת ישראל אין יידיש, צי ענגליש, טשעכיש אָדער פּויליש — פֿאַר זיי איז דער „אַריינגאַנג פֿאַרבאָטן" אין דער אגודת הסופרים העברים.

דער דאָזיקער ענין איז איצט די ברייט באַהאַנדלטע טעמע אין דער היגער פּרעסע, אין שיכות מיט די דערקלערונגען פֿון עטלעכע באַדייטנדיקע שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען, נייע עולים, וועלכע זענען געקומען זיך באַהעפֿטן מיט זייער פֿאָלק און לאַנד און זייער ליטעראַרישע וויזיט־קאַרטע איז לעצטנס באַרייכערט געוואָרן מיט נאַציאָנאַלער אידענטיפֿיקאַציע. זייער שעפֿערישער באַגאַזש, די פּרעמיעס און שבחים, לויבנדיקע קריטיק — וואָלט פֿאַר זיי ברייט צעעפֿנט טיר־און־טויער פֿון יעטוועדער פֿען־אָרגאַניזאַציע. אָבער אין ישראל, דאָס קלאַסישע לאַנד פֿון עליה און קליטה, מיט איר „חוק השבות" — איז פֿאָרגעקומען אַ מאָדנע זאַך. אדרבה, הערט וואָס עס זאָגן די פֿאַרינטערעסירטע גופֿא אין דער דאָזיקער פֿראַגע.

ליאָנעל דייווידסאָן, אַ נייער עולה פֿון ענגלאַנד, בערך אַ האַלב יאָר אין ישראל, וועמענס ערשטע דריי ביכער (1960, 1962, 1966) זענען פּרעמירט און אויסגעצייכנט געוואָרן פֿון קריטיקערס און „ביכערקלוב", האָט אָנגעשריבן נאָך אַ בוך אויף אַ ריין יידישער טעמע „ווידער־גוטמאַכונג" און אַרבעט איצט איבער אַ בוך וועגן ישראל — איז פֿול מיט שטוינונג, ווי עס דערציילט חנוך ברטוב אין „למרחב":

„...אַנטקעגן דעם איז מיר שווער צו פֿאַרשטיין די שטעלונג פֿונעם שרייבער־פֿאַרבאַנד אין ישראל, וועלכער פֿאַרמאַכט זיינע טירן פֿאַר שרייבערס, וואָס שאַפֿן אין אַנדערע שפּראַכן. ווען אַ מענטש איז עולה קיין ישראל און זעט זיך גופֿא ווי אַ ישראלי, דאַרף נישט זיין מעמד זיין אַן אַנדערער, דערפֿאַר וואָס ער שרייבט נישט העברעיש. בדרך כלל קען נישט אַ שרייבער איבערגיין פֿון איין לשון צום צווייטן, ווייל זיין גאַנצע אינערלעכע וועלט אַנטפּלעקט זיך אינעם לשון. דער פֿאַראיין דאַרף זיין אָפֿן פֿאַר יעדן ישראלדיקן שרייבער. נאָך אַלעמען, איז נישט עברית עפּעס אַ שפּראַך פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿענעם אַפֿריקאַנער שבט, וועלכע מ'דאַרף באַשיצן מיט קינסטלעכע מיטלען. דאָס איז איינע פֿון די גרויסע קולטור־שפּראַכן אין דער וועלט און זי נייטיקט זיך נישט אין אַזאַ שוץ".

ליאָנעל דייווידסאָן שעמט זיך נישט צו זאָגן, אַז אויך אויף להבא וועט ער שרייבן אין ענגליש, ווייל „כ'מיין נישט, אַז כ'וועל קענען שרייבן עברית". און ווי שטאָלץ קלינגען זיינע ווערטער: „איך בין אַ יידישער שרייבער, וואָס נערט זיך פֿון יידישע מקורות".

☆

פֿון די זעלבע מקורות האָט אַוודאַי געצויגן זיין יניקה דער יידיש־טשעכישער שרייבער לאַדיסלאַוו גראָסמאַן, דער מחבר פֿונעם פֿילם־סצענאַר „דאָס געשעפֿט אויף דער הויפּט־גאַס" (מיט אידאַ קאַמינסקאַ אין דער הויפּט־ראָל), וואָס האָט באַקומען די העכסטע אַמעריקאַנער אויסצייכענונג — „אָסקאַר". ווען ער איז מיט עטלעכע חדשים צוריק געקומען קיין ישראל אַלס נייער עולה, האָט מען אים פֿאָרגעלייגט צו שרייבן סצענאַרן אויף אַזעלכע ריין יידישע און ישראלדיקע טעמעס, ווי „דער גולם פֿון פּראַג" און „חביבה רייק". ס'איז אָבער קלאָר, אַז דאָס אַלץ וואָלט אים נאָך נישט קוואַליפֿיצירט אָנגענומען צו ווערן אינעם העברעישן שרייבער־פֿאַראיין.

לאַדיסלאַוו גראָסמאַנס אַ „לאַנדסמאַן", איינער פֿון די אָנגעזעענסטע טשעכאָסלאָוואַקישע שרייבער ערנאָשט לוסטיג, אויך אַ נייער עולה, פֿאַרקלאָגט זיך (פֿאַר דב גאָלדשטיין אין „מעריב"):

„אינעם שרייבער־פֿאַראיין אין ישראל האָט מען מיר איינגעאָרדנט אַ פֿיינעם קבלת־פּנים. נאָר ווען כ'האָב געפֿרעגט צי כ'קען ווערן אָנגענומען אַלס מיטגליד אין פֿאַראיין, האָט מען מיר געענטפֿערט אַז ניין, מען נעמט אָן נאָר די, וואָס

קענען עברית. פרעג איך אייך: איז דער קריטעריום פון ליטעראַרישער שאַפונג די שפּראַכלעכע צופּאַסונג? איז ריכטיק, אַז דער וועמענס יצירה נערט זיך פון דער טראַגעדיע פון יידיש פאָלק — קען נישט זיין קיין חבר אין ישראלדיקן שרייבער־פאַרבאַנד?!"

ערנאָשט לוסטיג, שוין זייענדיק אין ישראל אַלס עולה, איז אין פּראָג ווידער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד אין פּרעזידיום פונעם טשעכאָסלאָוואַקישן שרייבער־פאַראיין. דאָס האָט אים טאַקע באַוויגן צו באַזוכן לעצטנס טשעכאָסלאָוואַקיע און זיך איבערצייגן, לויט זיינע רייד, אַז דער גייסט פונעם טשעכישן פאָלק איז נישט געבראָכן געוואָרן נאָך 5 חדשים סאָוויעטישער אָקופּאַציע; אַז דער גייסט פון ליבעראַליזאַציע, וועמענס פאָנען־טרעגער ס'איז טאַקע געווען דער שרייבער־פאַראיין — הערשט נאָך אין יענעם לאַנד; אַז דער דאָרטיקער שרייבער־פאַראיין געניסט פון אַ גרויסן קרעדיט פונעם פאָלק, דריקט אויס זיין געוויסן, גלויבן און בטחון אינעם וועג צו פרייהייט.

אייגנטלעך, דאָס זעלבע וואָלט זיך געוואָלט פאָדערן פונעם העברעישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל. אַ ליבעראַלן גייסט, אַ מער מענטשלעכן צוגאַנג מצד די „אינזשעניערן פון דער מענטשלעכער נשמה" (ווי גאָרקי האָט אַמאָל באַצייכנט דעם שרייבער) צו זייערע קאָלעגן, פּען־מענטשן, די אַלטע און נייע עולים, וועלכע האָבן דערוואַכט אין אָנבליק פון די לויערנדיקע סכנות אויף דער יידישער מדינה, אין אָנבליק פון די געפאַרן, וואָס דראָען זיי און זייערע קינדער אין דער פרעמד — און זענען מיטגעריסן געוואָרן מיטן גרויסן עליה־שטראָם.

יענער אומגליקלעכער פסוק פונעם שרייבער־סטאַטוט, אַז נאָר העברעיש־שאַפער מעגן געהערן צום פאַראיין — דאַרף ווערן אָפּגעמעקט. דער קאַמף צו אַנולירן דעם „געטאָ־פּאַראַגראַף", טאָר נישט אַרויפגעלייגט ווערן אויף די פּלייצעס פון שרייבער־יחידים, אָקערשט געקומענע אין לאַנד, וועלכע האָבן דערווייל אַנדערע זאָרג פון איינאָרדענען זיך — נאָר דאַרף ווערן די צענטראַלע אויפגאַבע פונעם יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל, די אָרגאַניזאַציע פון איבער 200 פּען־מענטשן, וואָס הגם זיי שרייבן אין יידיש, איז עס דורכויס ישראלדיק.

שוין די העכסטע צייט, אַז די פאַרוואַלטונג פונעם העברעישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל, זאָל זיך באַפרייען פונעם פונקט וועגן לשון וועלכער אַנטהאַלט אין זיך דעם ריח פון שטייענדיק מקווה־וואַסער — און ענדערן איר באַציונג צו די ליטעראַטן, וועלכע טרינקען פונעם קוואַל פון יידיש־אוניווערסאַלער און יידיש־ישראלדיקער שאַפונג, אומאָפּהענגיק פון דער שפּראַך.

(י"ש ת"א, 5.2.64)

# אַ רינג אין דער קייט

אַז אַ היימישער ייד פרעגט מיך „וואָס פאַר אַ צייטונג איז די ,ישראל־שטימע'?", האָב איך פאַר אַזאַ איינעם אַ פאַרטיקן ענטפער, אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל, אין שפּאַס: „אַ טעגלעכע צייטונג, וואָס דערשיינט יעדע וואָך, צוויי מאָל אין חודש"... דער אַנדערער טייל איז שוין גאָר ערנסט: „,ישראל־שטימע' איז דער וואָרטזאָגער און טרעגער פון חלוצישע ווערטן און ציוניסטישן אידעאַל; הייסט ליב האָבן אונדזער לאַנד און פלעגט אויך ליבשאַפט צו דער יידישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור. הגם זי איז דער אָרגאַן פון אַזאַ פּאָליטישע פּאַרטיי ווי מפּ"ם, זעט זי נישט קיין שום סתירה אינעם קאַמף פאַר סאָציאַליסטישע אידעאַלן אין מדינת ישראל, וווּ העברעיש איז טאַקע די דאָמינירנדיקע, אָפיציעלע שפּראַך און איר קאַמף פאַרן ערנסטן יידישן וואָרט".

די וואָס זענען געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער צייטונג אין משך פון די אָפּגעלאָפענע 20 יאָר (נאָך פריער: „נייוועלט״ און „אויף דער וואך״), האָבן פאַרשטאַנען, אַז שטאַרקן די יידיש־קולטור אין ישראל און אין די תפוצות, מיינט שטאַרקן דעם גייסטיקן קיום פון פאָלק, הייבן זיין קולטורעלן און נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, דערנענטערן אים צו די גייסטיקע אוצרות. יידיש איז אַ דאַמבע קעגן אסימילאַציע און עם־הארצות, און דאָרט ווו ס׳איז פאַראַן יידיש, איז אויך פאַראַן אַ האָפענונג פאַרן קיום פון אַלע אַנדערע יידישע קולטור־ווערטן.

פאַרטייאישע טעטיקייט און קולטור־אַקטיוויטעטן זענען תמיד געווען אַ סיאַמער צווילינג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע. די חלוצים און אידעאַליסטן וואָס זענען געקומען אַהער מיט די פאַרשיידענע עליה־שטראָמען און מיטן איינשפּאַנען זיך אינעם עול צו פאַרוואַנדלען אַ וויסט, פאַרלאָזט לאַנד אין אַ בליענדיקער מדינה — האָבן גלייכצייטיק זיך געראַנגלט פאַר קולטורעלן רענעסאַנס און אויפבלי, יעדער אויף זיין שטייגער און אמונה, אויך בנוגע דער אַזוי גערופענער שפּראַכן־פראַגע. וויל איך איצט, ווען מיר צייכענען אָפּ 800 דערשינענע נומערן „ישראל־שטימע״ און איר אַריינשפּאַנען אינעם 21סטן יאָרגאַנג, באַרירן אייניקע מאָמענטן פון דער טעמע יידיש־העברעיש.

☆

איבערצייגטע יידישיסטן, אין קעגנזאַץ צו די פאַנאַטישע העברעיסטן, האָבן נישט געהאַט בדעה, מיט זייער עולה זיין קיין ארץ־ישראל, לגמרי זיך אָפּצוטרייסלען פון דער יידישער שפּראַך, וועלכע האָט כלומרשט באַלאַנגט צום גלות־שטייגער. מיר זענען געווען (און געבליבן) ביי דער מיינונג, אַז יידיש האָט אַ ברירה צו זיין אַ נישט קלענערער קאָנסטרוקטיווער און שעפערישער פאַקטאָר אינעם פּראָצעס פון בנין הארץ, ווי די העברעישע שפּראַך. אָבער גלייכצייטיק וואָלט געווען לעכערלעך צו דערשיינען ווי אַנטי־העברעער אין אַ לאַנד, ווו עברית איז געוואָרן דער אָפיציעלער און הערשנדיקער לשון. מעגלעך, אַז אַ דאַנק אַזאַ צוגאַנג, האָט זיך איינגעשטעלט אַ נישקשהדיקע קאָ־עקזיסטענץ צווישן די צוויי שפּראַכן, הגם נישט שטענדיק מיט דער פולער, קעגנזייטיקער אָנערקענונג, דרך־ארץ און ליבשאַפט.

אַוודאי גרילצט אין די אויערן און רעגט אויף יענער זאָג פון שונאי־יידיש, אַז אונדזער מאַמע־לשון גוססט. פאַראַן אין ישראל געניג כנענים, איגנאָראַנטישע סאַברעס און טיילן אומוויסנדיקע מזרח־יידן, ווי אויך געוויסע מלוכהשע אַמטן און רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס באַציען זיך מיט ביטול צו דער שפּראַך פון י. ל. פּרץ און שלום־עליכם. נאָר צווישן אונדז גערעדט, איז עס בשום אופן נישט קיין ישראלדיקע דערשיינונג, אָדער אַ „ציוניסטישער קאָמפּלעקס״. אָט וואָס דער רעדאַקטאָר פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״, צביון, האָט מיט העכער 50 יאָר צוריק געשריבן וועגן יענע יידן אין די פאַר. שטאַטן, וואָס „האָבן אָפּגעזאָגט דאָס לעבן״ דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור:

„איך ווייס און בין זיכער, אַז איך וועל אַמאָל שטאַרבן. איך בין אין מיין אייגענעם טויט אַ סך זיכערער, ווי אין דעם טויט פון דער יידישער שפּראַך. אָבער איך וועל עס האַלטן פאַר אַ גראָבקייט, ווען איינער וועט צו מיר קומען יעדן טאָג און זאָגן: איר ווייסט, צביון, אייך איז שוין נישט איבערגעבליבן פיל צו לעבן, נאָך עטלעכע יאָר — און איר וועט זיין קאַפּוט. עס וועט אייך נישט העלפן, פעטער, איר וועט זיך מוזן פּאַקן אין וועג אַריין. דער מלאך המוות שטייט און וואַרט אויף אייך און איר וועט זיך פון זיינע הענט נישט אַרויסדרייען. יאָ, מיין פריינד! איר וועט שטאַרבן!... איך וועל אַזאַ איינעם האַלטן פאַר אַ בייזע אַנשיקעניש און וועל אים שיקן צו אַלע בייזע רוחות״.

צביונס רייד זענען אויך היינט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מערכה פון יידיש אין די תפוצות, באַזונדערס אין דעם גרויסן יידישן ישוב אין אַמעריקע. איך בין טיף איבערצייגט,

אַז ווען מיר האַלטן אַזוי מיט יידיש אין די פאַר. שטאַטן, אַרגענטינע, פראַנקרייך, ענגלאַנד און ראַטן־פאַרבאַנד — ווי אין ישראל, וואָלט די פּאָזיציע פונעם מאַמע־לשון און אירע קולטור־אוצרות געשטאַנען היינט־צו־טאָג אויף אַ פּיל העכערע מדרגה.

איך וויל נישט דערמיט זאָגן, אַז די מערכה פון יידיש אין דער יידישער מדינה, איז טאַקע אַ צופרידנשטעלנדיקע. ס׳איז גיכער אַ פּועל־יוצא פון אָביעקטיווע סיבות, איידער פון אַ דיסקרימינאַטאָרישער פּאָליטיק.

קאַרגע 60% פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ישראל שטאַמט פון די אַפראָ־אַזיאַטישע לענדער, אָדער געהערט צום ספרדישן יידנטום. די דאָזיקע שבטים פון אונדזער פאָלק, איז די יידישע שפּראַך און קולטור לגמרי פרעמד. אויך די עליה־ציפערן פון יידיש־ריידנדיקן עלעמענט זענען נישט דערמוטיקנדיק. ביזן יאָר 1947 און אין די יאָרן 1948—1954, האָבן אַן ערך 76% פּוילישע יידן אָנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך. דאַקעגן אין די יאָרן 1955—1961 איז זייער צאָל געפאַלן אויף קנאַפּע 45%. אַן ענלעכע דערשיינונג איז אויך געווען צווישן דער עליה פון רוסלאַנד: ביז 1947 און אין די יאָרן 1948—1954 — איבער 64%, אין די יאָרן 1955—1961 — קאַרגע 38%. אין די לעצטע 10 יאָר איז די צאָל יידיש־ריידנדיקע עולים פון די צוויי לענדער נאָך קלענער געוואָרן.

פאַראַן אויך סטאַטיסטיקעס וואָס דערציילן, אַז בלויז 30% פון די אשכנזישע יידן — און 25% פון אַלע יידן אין דער וועלט — האָבן אָנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך. די טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס די „אַקציעס" פון יידיש זענען שטאַרק געפאַלן — און דער אָנהייב פון דעם אומגליק איז געווען דער אומברענג פון זעקס מיליאָן יידן דורך דעם ימח־שמוניק אַדאָלף היטלער, דער הויפּט־מערדער פון דער יידישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור. אַ סברה, אַז דאָס דאָזיקע בילד פון חורבן יידיש אין אייראָפּע האָט געהאַט פאַר זייגע אויגן דער אומפאַרגעסלעכער איציק מאַנגער, ווען ער האָט אינעם ליד „יידיש", אָפּגעדרוקט אינעם בוך „וואָלקנס איבערן דאַך", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1942 אין לאָנדאָן, געשריבן:

> יידיש, שיינע יורש׳טע פון אונדזער אַלטן הויז,
> דיין שיינקייט איז איינזאַם, דיין איינזאַמקייט איז גרויס,
> ס׳אַרא וווּנדער, וואָס דיין האַרץ האָט נאָך נישט געפּלאַצט...

זינט יענער פינצטערער תקופה, האָט דאָס יידיש־האַרץ געהאַט אויסצושטיין אַן אַ שיעור אַטאַקעס, איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, אָבער נישט געפּלאַצט. און געשען איז דער דאָזיקער ווונדער אויך — און דער עיקר — אַ דאַנק מדינת ישראל, וווּ יידיש האָט באַקומען אַזאַ תיקון, וועלכן קיין שום תפוצה אין דער וועלט איז נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרזיכערן.

✡

מ׳קאָן נישט פאַרשעמט בלייבן מיטן יידיש־בילאַנס אין ישראל: דאָס רעגולערע דערשיינען, אין משך פון אַ סך יאָרן, פון אַ טאָג־צייטונג און פון אַזעלכע אויסגאַבן, ווי: „די גאָלדענע קייט", „ביי זיך", „ירושלימער אַלמאַנאַך", „פאָלק און ציון", „פאָלק, וועלט און מדינה", „פאָלקסבלאַט", „לעבנספראַגן", „פריי ישראל", „פראָבלעמען" און אַנדערע פעריאָדיקס; דער פאַקט וואָס אין סעזאָן, שפּילן אַמאָל 7—8 יידישע טעאַטערס מיט איינמאָל; די רעגולערע טעטיקייט פון די קולטור־קלובן, בראש מיט די אונטערנעמונגען אין יידיש אין די מפ״ם־קלובן אין לאַנד; דער יידישער־שרייבער־ און זשורנאַליסטן פאַראיין מיט זיינע 200 מיט־גלידער און די אונטערנעמונגען אין בית לייוויק; דער קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור מיט זיינע אויפטוען; די ליטעראַטור־פּרעמיעס פון ראש הממשלה, פון תל־אביבער שטאָטראַט, פון לאַנדסמאַנשאַפטן, בראש מיטן בכבודיקן איציק מאַנגער־פּרייז; די פאַר־לאַגן, וואָס אַ דאַנק זיי דערשיינען בלויז אין ישראל 80 פּראָצענט ביכער אין יידיש;

און אחרון אחרון, די וועלט־קאָנפערענץ פאַר ידיש און יידישער קולטור, וועלכע איז פאַר־געקומען אין אויגוסט פ. י. אין ירושלים — באַווייזן עקשנותדיקן המשך און ווייטערדיק שמידן די גאָלדענע קייט פון יידיש און אירע קולטור־אוצרות.

אָן שום ספק, אַז „ישראל־שטימע" איז אַ וויכטיקע רינג אין דער דאָזיקער קייט.

(י"ש ת"א, יאנואר 1968)

# כן ירבו?

## א

אַוודאַי וואָלט זיך געוואָלט אַוועקשטעלן אַן אויסגעשריי־צייכן נאָכן קאָפּ פון דעם אַרטיקל, אנשטאָט אַ פרעגצייכן. נאָר וואָס טאָן, אַז אַפילו ביי אזאַ ליבהאָבער פונעם יידישן וואָרט, ווי דער שרייבער פון די שורות, האָט זיך פאַרגנבעט אַ ספק צי ביי דער איצטיקער מערכה פון יידיש, און באַזונדערס פון איר פרעסע און ליטעראַטור אין ישראל ווי אין די תפוצות, איז נייטיק די פאַרמערונג פון יידיש־זשורנאַלן און צייטונגען? צי דאָס דערשיינען פון נאָך איינע אָדער צוויי אויסגאַבן וועט ראַטעווען אונדזער מאַמע־לשון פון איינשרומפּונג און פאַמעלעכער גסיסה און צי די גרינדונג פון נאָך אַ קאָמיטעט און נאָך אַן אינסטאַנץ, וועלן הייבן דעם כבוד און אָנזען פון יידיש?

די דאָזיקע פּעסימיסטיש־אַפּיקורסישע געדאַנקען האָבן גורם געווען אַוועקצושטעלן דעם פרעגצייכן נאָך אַזאַ האַרציק־יידישער ווינטשעוואַניע ווי „כן ירבו" — עס זאָל זיך מערן און פּרוכפּערן — גראָד אין שיכות מיטן געבורט פון „פאָלק און מדינה", רעדאַגירט פון באַגאַבטן י. יאַנאַסאָוויטש און פונעם פּעריאָדישן זשורנאַל „ביי זיך"; נאָכן אָנזאָג פונעם ליטעראַרישן יאָרבוך „צוזאַמען", אונטער דער רעדאַקציע פון פּובליציסט און שרייבער ש. ל. שניידערמאַן און דעם בקרובדיקן דערשיינען פונעם „אַלמאַנאַך" אין ירושלים, אונטער דער רעדאַקציע פון י. קערלער, ד. ספאַרד און ש. סנה. נישט אויסגעשלאָסן, אַז ערגעץ־וווּ אין יידיש־לאַנד וועלן זיך אויך אויסגעפינען מענטשן מיט ליטעראַרישע אַספּיראַציעס, פּערזענלעכע אַמביציעס און גבירישע קעשענעס, וואָס וועלן זיין גרייט זיך איינצושפּאַנען אויף אַרויסצוגעבן נאָך פּעריאָדיקס, וועמענס קיום וועט מן־הסתם זיין פאַרזיכערט קוים אויף עטלעכע נומערן.

מעגלעך, אַז נישט ביי איין פריינד פונעם געדרוקטן יידישן וואָרט וועט אַ פינקל טאָן אין אויג אַ טרער פון פרייד און געריקטקייט נאָך אַזאַ מולטיפּליקאַציע פון יידיש־אויסגאַבן. צום באַדויערן, וועל איך זיך נישט צורעכענען צו דער־אָ גרופּע, ווייל מיר עגבערט אין מוח די פראַגע: צי פעלט אונדז טאַקע אויס נאָך אַ ליטעראַרישער צי פּאָליטישער זשורנאַל? וואָלט נישט גלייכער געווען צו שטאַרקן דאָס פאַראַנענע מיט די פּלאַנירטע אינוועסטיציעס אינעם נייעם, צי אַפילו פאַרייניקן צוויי יידיש־אויסגאַבן וועלכע זענען זיך פיל־ווייניק נאָענט אידעיש, ליטעראַריש, געזעלשאַפטלעך?

## ב

מיט דער פולער אויפריכטיקייט זאָג איך דעם סאַברישן „כל הכבוד" דעם פריינד ש. ל. שניידערמאַן און דעם פינאַסירער ל. לעווין פאַר זייער איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן דעם „צוזאַ־מען", וועמענס אָנגעזאָגטער אינהאַלט וועט בערך אַנטשפּרעכן דעם כאַראַקטער פון „די גאָלדענע קייט". צי איז שוין דער קיום און אַ בכבודיקער טיראַזש פון „די גאָלדענע קייט" אַ פאַרזיכערטער? וואָלט נישט געווען אַ יושר, ווען א. סוצקעווער און ש. ל. שניידערמאַן ריידן זיך בעסער צונויף, אַז צוזאַמען זאָלן זיי די פערטליאָר־שריפט „די גאָלדענע קייט" פאַרוואַנדלען אין אַ חודש־זשורנאַל, אַנשטאָט פאַרווענדן געלט און מי אויף עפּעס נייס

און, ווער ווייסט, אומזיכערס? נישט אויסגעשלאָסן, אַז די אַנאָנסירטע אין „צוזאַמען" שרייבערס און דיכטערס וואָלטן געפונען אַן אכסניה אין דעם חודש־זשורנאַל.

שוין 22 יאָר ווי די עקזעקוטיווע פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע גיט אַרויס אַ חודש־זשורנאַל „פאָלק און ציון". איז טאַקע צו דער פובליקאַציע נייטיק געווען אויך „פאָלק און מדינה"? איז דער לייענער־מאַרק פון יידיש אַזוי איצט אויסגעברייטערט, אַז עס פאָדערט זיך נאָך אַן אויסגאַבע, וואָס אינהאַלטלעך און תכליתדיק אַנטשפּרעכט זי פיל־וויניק די אויפגאַבן פון „פאָלק און ציון"? איז אונדזער יידיש־עולם אויסגעהונגערט נאָך אַ חודש־זשורנאַל, דערצו נאָך — אין סטענסיל?

און וואָס איז מכוח די „אומפּאַרטייאישע" „יידישע צייטונג" און „אילוסטרירטע וועלט־וואָך"? נייטיקט זיך דער יידיש־לייענער אין ישראל אין צוויי אַזעלכע וועכנטלעכע אויס־גאַבן? אמת, די צוויי זענען דערווייל מסוגל אַליין זיך אויסצוהאַלטן, צי באַרעכטיקט עס אָבער דאָס דערשיינען פון אַזעלכע צוויי „פאַרעווע" אויסגאַבן אינעם כסדר זיך פאַרקלענערנ־דיקן קרייז פון יידיש־לייענער?

די עטלעכעביישפּילן — פאַרשלאָגן — מחשבות וועגן פאַרייניקונגען אין ישראל זענען נאָך מער גויטוועגדיק פאַר די תפוצות. דאָרט איז די לאַגע פיל ערגער און טראַגישער. דער רוב זשורנאַלן ראַנגלט זיך שווער און ביטער פאַרן עצם קיום — און זיי מאַכן נישט דערפון קיין סוד, ווייל צו אָפט און צו צודרינגלעך ווערן געבעטן די לייענערס אַריינצוטראָגן דעם אַבאָנאַמענט־אָפּצאָל אָדער זיך באַטייליקן אינעם ספּעציעלן מגבית פאַר דער צייטונג. איך וויל דאָ נישט ריידן וועגן ליטעראַרישן ניוואָ פון די אַלע פעריאָדיקס, די פאַרשידענע העפטלעך און שריפטן פון יחידים, וועלכע זענען מערער אויסן זעלבסטרעקלאַמע און אכסניה פאַר די אייגענע שאַפונגען, איידער דערהייבן דאָס יידישע וואָרט.

גאָר אַנדערש איז די לאַגע פון די פאַרטייאישע אויסגאַבן. איך מיין דאָ אונדזער „ישראל־שטימע", די בונדישע „לעבנספראַגן", די מק"יסטישע „פריי ישראל" און דאָס „פאָלקסבלאַט" פון דער העבודה־פאַרטיי. וועמען פון די־אָ אויסגאַבן „שדכענען אַ שידוך" איז נישט רעאַל. דאָקעגן איז גאַנץ רעאַל די געפאַר פון זייער אונטערגאַנג, אויב די דאָזיקע פאַרטייען וועלן באַשליסן וועגן רעדוקציעס אין בודזשעט, דאַן וועט דער ערשטער, צי צווייטער קרבן דערפון זיין — די יידישע צייטונג זייערע.

ג

אויף דער יידיש־גאַס פעלן נישט היינט אויס קיין צייטונגען און זשורנאַלן. ס'וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן, אַז ס'איז אַפילו פאַראַן אַ געוויסער עודף. נאָר אַ מאָדנע זאַך — פונדעסט־וועגן פעלן אויס ליטעראַרישע אכסניהס פאַר אַן אָנגעזעענע צאָל יידישע פען־מענטשן, באַזונדערס פאַר די שרייבער־עולים פון ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער שולדיק זענען דאָ לרוב די רעדאַקטאָרן פון די פאַראַנענע צייטשריפטן, וואָס זענען גאָרנישט אַזוי גאַסטפריינטלעך כלפּי זייערע קאָלעגן. אָבער פונקט אַזוי פעלן דאָך, ליידער, יידיש־לייענערס, די טרייע קאָנסומענטן פונעם געדרוקטן יידישן וואָרט. מעג איך דעריבער טראַכטן אויפן הויכן קול, אַז אַ פאַרייניקונג פון אייניקע טריבונעס וואָלט אָן שום ספק געשטאַרקט די מאַטעריעלע באַזע זייערע, באַרייכערט דעם אינהאַלט (אויב די רעדאַקטאָרן וועלן יושרדיקער פאַרטיילן דאָס אָרט און אַריינלאָזן אויף זייערע שפּאַלטן נאָך און נאָך מיטבאַטייליקטע), פאַרגרעסערט די צאָל זייטן און דעם טיראַזש און דערמעגלעכט אָן אָפטער דערשיינען.

ווייל דאָס פאַרמערן זיך פון יידיש־אויסגאַבן אין דער איצטיקער לאַגע פון יידיש אין דער וועלט און אין ישראל דערמאָנט מיר, זייט מוחל פאַרן אויסדרוק, דאָס קינדלען פון אַ קבצן... אַזאַ פלאָדנעקייט פאַרגרעסערט בלויז די נויט פון דער יידישער זשורנאַליסטיק, פאַרשאַרפט די קאָנקורענץ צווישן די פאַראַנענע אויסגאַבן וועלכע שטייען אַזוי אויך אין אַ שווערן

געראַנגל פאַר זייער קיום. און נאָך עפּעס: פאַרמערונג אין דעם פאַל מיינט נישט דווקא דערהייבונג און שטאַרקונג פון אונדזער יידיש לשון.

ד

ערשט נישט לאַנג איז אין בית סאָקאָלאָוו אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ ספּעציעלער צוזאַמענטרעף וועגן העלפן דער יידישער פּרעסע אין די תפוצות. די מיניסטאָרן ספּיר און קול, די קאָסירערס פון דער סוכנות און הסתדרות א. ל. דולצין און י. לוי, האָבן צוגעזאָגט ווייטגייענדיקע הילף די אויסגאַבן אין יידיש, ווי אויך אין אַנדערע שפּראַכן — דורך אַנאָנסן פון ישראל־אינסטיטוציעס, ווי אויך דורך ממשותדיקער שטיצע; פּרעמיער גאָלדע מאיר האָט פונדירט אַ ליטעראַרישע פּרעמיע פאַר יידיש־שאַפונגען; דער ניי־דערוויילטער נשיא פּראָפ׳ אפרים קציר האָט איבערגענומען דעם פּראָטעקטאָראַט איבער דער איציק מאַנגער פּרעמיע. מיט איין וואָרט — ביי די העכסטע מלוכהשע אויטאָריטעטן פון ישראל איז מיטאַמאָל פאָרגע־קומען אַ גלגול פון אַ יידיש־ניגון. און זיי מיינען טאַקע אויפריכטיק צו העלפן, דערמוטיקן און אפשר נאָך ראַטעווען, אויף וויפל עס לאָזט זיך, די מערכה פון יידיש. נאָר צום באַדויערן, האָבן זיי אַלע פאַרשפּעטיקט דעם צוג. אויך היינט ווערט נאָך נישט אַלץ געטאָן, סיי מצד די רעגירונגס־קרייזן, סיי מצד אויטאָריטעטע אינסטאַנצן און אינסטיטוציעס, צו פעסטיקן יידיש אין לאַנד און אין דער וועלט, וואָס בעצם מיינט עס דאָך אויך — שטאַרקן יידישקייט אין סאַמע פּאָזיטיוון זין פון דעם וואָרט.

זאָלן אָבער די ערלעכע און אויפריכטיקע קעמפערס פאַר יידיש נישט מיינען, אַז מיטן אַרויסגעבן נאָך אַ זשורנאַל אין דער איצטיקער תקופה, טוט מען אַ טובה דעם יידישן וואָרט. איך מיין, אויב דאָס געלט, כוחות און מי פאַר די נייע צייטונגען אָנווענדן אַלס „איינשפּריצונג״ פאַר די שוין פאַראַנענע צייטשריפטן, מיט דער טענדענץ פון צונויפשמעלצן צוויי אין איינעם — וועט מלכות יידיש באַקומען מער כוח און חשיבות.

דעריבער דאַרפן די איניציאַטאָרן און רעדאַקטאָרן פון די פּלאַנירטע און שוין אַקצעפּטירטע נייע אויסגאַבן מיר מוחל זיין, הלמאַי כ׳האָב די טראַדיציאָנעלע אין אַזאַ פאַל ברכה „כן ירבו״, דאָך פאַרזען מיט אַ סקעפּטישן פרעגצייכן...

(י״ש ת״א, 27.6.73)

## יידיש אין מויל פון ישראלדיקע קינדער?

אין די טעג פון 23סטן ביז 26סטן אויגוסט 1976, איז אין ירושלים פאָרגעקומען די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישע קולטור. צווישן די פאָרשלאָגן און רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָמיסיע פאַר חינוך, לייענען מיר צוו. אַנד.: „באַגריסן דאָס ישראלדיקע בילדונג־מיניסטעריום פאַר סטימולירן צו לערנען יידיש און יידישע ליטעראַטור, ווי אַן אויסוואַל־שפּראַך אין די מיטלשולן אין מדינת ישראל״.

א

אַ יאָר נאָך יענער קאָנפערענץ און אויף דער שוועל פון נייעם לערניאָר, האָט דאָס ביל־דונג־מיניסטעריום (נאָך פון דער פריערדיקער רעגירונג) אַ שפּאַן געגעבן פאָרויס און פון סטימולירונג איבערגעגאַנגען צו רעאַליזירונג. דער לערן־פּראָגראַם פאַר יידיש־לימוד אין די ישראלדיקע גימנאַזיעס איז שוין פון לאַנג פאַרטיק און אפילו באַקומען זיין לעגיטימאַציע אין אַלגעמיינעם בילדונג־פּלאַן. אויב עלטערן פון מינימום 15 שילערס אין אַ קלאַס וועט זיך פאַרגלוסטן צו שטאַרקן ביי זייערע קינדער יידישקייט, אויך מיט דער הילף פון דער יידישער

שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור — וועלן מיר מיט דער צייט זוכה זיין צו הערן אַ יידיש וואָרט פון אַ סך ישראלדיקע גימנאַזיסטן.

יידיש האָט באַקומען בירגער־רעכט אין די מיטלשולן אין ישראל. דאָס מיניסטעריום פאַר דערציונג און קולטור, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט אהרון ידלין, האָט דעם א. ג. יידיש־סעקטאָר אין לאַנד געגעבן אַ היסטאָרישן שאַנס צו פאַרפלאַנצן יידיש אין די גימנאַזיעס. וועלן די אָנהענגערס פון יידישן וואָרט זיין אימשטאַנד עפּעס צו דערגרייכן אויף דעם געביט? און וויפל עלטערן וועלן זיין גרייט אָנצורעגן און באַוועגן זייערע קינדער צו געניסן פון יידיש ווי אַן אויסוואַל־שפּראַך?

ס'איז נישט קיין סוד, אַז צווישן יונגן דור אין ישראל זענען פאַראַן נטיות צו כנעניזם, צו אַנטי־גלות־שטימונגען, צו נעגירן יידיש און אירע קולטור־ווערטן. דאַקעגן די מזרח־עדה'ס אידענטיפיצירן יידיש מיטן אשכנזישן יידנטום. וועט נישט אָנקומען אַזוי לייכט איבער־צוציַיגן די סאַברישע טאַטע־מאַמע, צי אַפילו עלטערן וואָס ציען זייער אָפּשטאַם און יחוס פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, זיי זאָלן אָרויפלייגן אויף זייערע קינדער אויך דעם עול פון יידיש און דעם לימוד פון נאָך אַ שפּראַך. ביי די דאָזיקע עלטערן איז יידיש נישט קיין טאַבו און זיי זענען ווייט פון די שאַפונגען פון י. ל. פּרץ, מענדעלע און שלום עליכם. אין דעם פאַל האָבן די ישראלדיקע עלטערן „אויסגעגלייכט דעם פּראַנט" מיט די יידישע עלטערן אין די תפוצות. אויך דאָרט איז דער ייִנגערער גענעראַציע נישט געגאַנגען אין לעבן צו שיקן זייערע קינדער אין יידישע שולן, אפילו ווען אַזעלכע האָבן עקזיסטירט, און אַוודאי זענען זיי נישט גרייט געוועזן צו גיין אויף באַריקאַדן, אַז אַזעלכע שולן זאָלן געשאַפן ווערן. נאָר בעת אין די גלות־לענדער האָט די דערוווייטערונג פון יידישן חינוך דערפירט דאָס קינד צו אָפּ־פרעמדונג און אסימילאַציע, איז דער תלמיד אין ישראל פאָרט געבליבן אין דער אייגענער, יידישער מדינה און במילא — אידענטיפיצירט מיטן פאָלק. נאָר אַזאַ אידענטיפיצירונג האָט אַ ברירה צו זיין שטאַרקער און עפעקטיווער ביי יענע גימנאַזיסטן, וואָס וועלן זיך צוזייגענען די גייסטיקע און קולטורעלע ווערטן פונעם דור פון דער השכלה, פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און פונעם שטורעם־און־דראַנג פּעריאָד — ווערטן, וועלכע זענען אין גרעסטן טייל, באַזאַמען מיט זייערע טרעגערס, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע רוצחים.

ב

אינעם באַשטעטיקטן לערן־פּראָגראַם אין וואָרט און אין שריפט, אויסגעאַרבעט פון פאַכלייט און זאַכקענערס, געפינען מיר, אויסער גראַמאַטיק־לעקציעס פאַר ערשטן און צווייטן לערניאָר, שריפטלעכע און מינדלעכע עקזאַמענס, איבערזעצונגען פון עברית אויף יידיש און פון יידיש אויף עברית — אויך די שאַפונגען פון אַזעלכע קאָריפייען פון דער יידישער פּראָזע און דיכטונג, ווי: שלום אש, יוסף אָפּאַטאָשו, חיים נחמן ביאַליק, יצחק באַשעוויס־זינגער, יעקב גלאַטשטיין, הירש גליק, חיים גראַדע, דער נסתר, משה לייב האַלפּערין, בינעם העלער, איטשע מאיר ווייסענבערג, מאַרק וואַרשאַווסקי, ה. לייוויק, מאַני לייב, מענדעלע מוכר ספרים, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, איציק מאַנגער, פּרץ מאַרקיש, אברהם סוצקעווער, שמערקע קאַטשערגינסקי, יצחק קאַצענעלסאָן, אברהם רייזען, שלום עליכם, אליעזר שטיינבאַרג, ל. שאַפּיראָ אאַנ"ד.

ס'איז זיך פאָרצושטעלן די גייסטיקע באַרייכערונג פון אונדזערן אַ גימנאַזיסט, נאָך דעם ווי ער וועט זיך באַקענען מיט די שאַפונגען פון די פּען־מענטשן. די דאָזיקע סאַברעס וועלן זיך זען נישט נאָר ווי ישראלים, ווי בירגער פון דער יידישער מדינה, נאָר אויך ווי יידן וואָס האָבן אַ שייכות צום גאַנצן יידישן פאָלק — אין אַלע תפוצות און אין אַלע תקופות.

יידיש אין די שולן מיינט אויך אַ געווינס פאַרן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן און מלוכהשן בנין. און וואָס איז מכוח לערערס פאַר יידיש?

ווי נאָר ס'איז באַשטעטיקט געוואָרן דעם פראָגראַם פון יידיש־לימוד, האָט דער קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל אויסגעאַרבעט אייניקע פּראָיעקטן, וואָס זענען שוין אויפן וועג פון רעאַליזירונג, ווי צ״ב: קורסן פאַר אויסבילדונג און דערגאַנצונג; אַ באַזונדערע אָפּטיילונג ביים העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים צוצוגרייטן יידיש־לערערס, אויסער 3—4 קורצטערמיניקע פאַרפולקאָמונג־סעמינאַרן פאַר לערערס פאַר יידיש און יידישער ליטע־ראַטור וואָס וועלן לערנען סיי אין ישראל, סיי אין די תפוצות. טאָ לאָמיר האָפן, אַז עס וועלן נישט אויספעלן קיין פעדאַגאָגישע קאַדערן.

ג

פאָרלויפיק, איז דער לערן־פראָגראַם פאַר יידיש אַ פריווילעגיע, אַ פיינע מתנה, וועלכע מיר, די יידיש־ענטוזיאַסטן, טאָרן נישט אַוועקלייגן אין אַ זייט, נאָר זי מאַקסימאַל אָנווענדן און אויסנוצן. די פאַרפליכטנדיקע שפּראַכן אין די היגע מיטלשולן איז העברעיש ווי די אונטעריכט־שפּראַך, און ענגליש — ווי אַ פרעמדע שפּראַך. די איצט אַנערקענטע יידיש געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון דער א. ג. צווייטע שפּראַך, אָדער אויסוואַל־שפּראַך, ווי דאָס זענען פראַנצויזיש אָדער אַראַביש. די דאָזיקע „אַנטפּלעקונג" וועט אפשר דערפירן צו אַ באַנייטן ויכוח וועגן יידיש און עברית, וועגן כלומרשטן אָדער פאַקטישן דיסקרימינירן אונדזער מאַמע־לשון אין דער יידישער מדינה. אַזאַ פּרוכטלאָזע פּאָלעמיק וועט איצט גאָרנישט געבן. אין דעם מאָמענט איז וויכטיקער אויפצוקלערן די עלטערן די חשיבות פונעם באַשלוס פון בילדונג־מיניסטעריום און באַווירקן, אַז זייערע זין און טעכטער זאָלן געניסן פון יידיש־לימוד.

זאָלן אַלע יידיש־פריינד אין ישראל געבן אַן ערנסטן טראַכט און אויך פאַרקאַשערן די אַרבל, כדי געפינען דעם וועג צו טאַטע־מאַמע און זיי איבערצייגן ווי וויכטיק ס'איז פאַר זייערע יורשים אַ ביסל יידישקייט אין יידיש; ווי אַזוי דורכברעכן די מויער פון בויקאָט, נעגירונג און גלייכגילט צו יידיש מצד די שול־דירעקטאָרן, לערערס און דערציערס? ווי אַזוי געווינען די עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד פאַר דער אויפגאַבע?

ביז איצט, געציילטע טעג פאַרן אָנהייב פון נייעם שול־יאָר, האָט זיך נישט באַוויזן קיין איין אַרטיקל אין דער העברעישער פרעסע אויף דער דאָזיקער טעמע. אויך די טעלעוויזיע און ראַדיאָ (אַריינגערעכנט די יידיש־אוידיציעס) פאַרשווייגן דעם ענין. אַנטשפּרעכיקע בריוו און ווענדונגען זענען אויך נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די עלטערן און פעדאַגאָגן.

פון דעסטוועגן האָט מען נאָך נישט „פאַרשפּעטיקט דעם צוג" און אַלץ לאָזט זיך פאַריכטן.

אונדזער רייכע און אַלזייטיקע יידיש־קולטור נעמט אַרום אַ סך געביטן: וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, עקאָנאָמיע און פילאָלאָגיע, געשיכטע און מוזיק, ליטעראַטור און סקולפּטור, מאַ־לעריי און טעאַטער — אָבער דער פונדאַמענט פון דעם אַלעמען, דער טיפער וואָרצל פון דעם ברייט צעוואַקסענעם בוים, איז געווען און פאַרבליבן דער חינוך. אָנהייבן פון דער שול־באַנק, אַריינציען אין דער יידיש־ספערע וואָס מערער שילערס — איז אַ גאַראַנטיע פאַרן המשך פון יידיש. די ריזיקע קולטור־אוצרות און די גייסטיקע ווערטן וועלכע זענען געקנופּט און געבונדן מיט דער יידישער שפּראַך, טאָרן נישט פאַרשווינדן מיטן איצטיקן צי שפּע־טערדיקן דור.

ד

אין דער יידיש־וועלט אין די תפוצות און אין ישראל פאַרנעמט מען זיך איצט מיט אָפּשאַצן (אָדער אונטערשאַצן) דאָס אָפּגעלאָפענע יאָר נאָך דער ירושלימער קאָנפערענץ. אין אַלגעמיין, זענען די סך־הכלען נישקשהדיקע, עס מערקט זיך אַן אויפלעבונג אויפן יידיש־פראָנט אין די פאַר. שטאַטן, דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע און אייראָפּע (גאַנץ באַזונדערס — אין פראַנקרייך). דאָס האָרץ דערקוויקט זיך פון דער ידיעה, אַז אין 60 אוניווערסיטעטן אין

די פאַר. שטאַטן לערנט מען יידיש און אַז דער פאַרבאַנד פון יידיש־פּראָפעסאָרן אין יענער מדינה ציילט אַרום 900 מיטגלידער.

אויך אין מדינת ישראל איז דער בילאַנס אַ פּאָזיטיווער, הגם נאָך ווייט נישט קיין צופרידנ־שטעלנדיקער. נאָר היינט דאַרף אונדז אינטערעסירן און אַבסאָרבירן די פראַגע: ווער אין אַ יאָר אַרום זיך לאָזן דערציילן וועגן עטלעכע הונדערט גימנאַזיסטן אין ישראל, וואָס האָבן גענומען אויף זיך דעם יידיש־עול און באַווירקן אויך אין דער ריכטונג זייערע חברים פון קלאַס? וועט זיך געפינען די נייטיקע צאָל קאַנדידאַטן צו דערלערנען אונדזער מאַמע־לשון? אמת, פאַראַן אַ גאַנצער ערנסטער „קאָנקורענט" פאַר יידיש — די שפּראַך פון אונדזערע אבות מיט 3 טויזנט יאָר צוריק. ס'איז אָבער נישטאָ וואָס צו שעמען זיך מיט דער „יידיש־מעטריקע" פון טויזנט יאָר. אויך אונדזערע קלאַסיקער האָבן זיך באַנוצט מיט ביידע שפּראַכן און געזען אין זיי אַ סינטעז — נישט קיין אַנטיטעזע, ווי עס קוקן נאָך היינט אויף דעם געוויסע פאַנאַטישע העברעער און אומהיילבאַרע יידישיסטן.

די וואָס האָבן ליב צו קלאָגן אויפן חורבן יידיש, לייג איך פאָר: נעמט זיך צו געווייגלעכער הויז־אַגיטאַציע, באַזוכט אין אייער ראַיאָן, לויט צוגעגרייטע רשימות, די היימען פון יענע עלטערן, וועמענס קינדער לערנען אין די מיטלשולן, פּרובירט זיי אויפקלערן די וויכטיקייט פון אונדזער יידישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור. אויב מיר ווילן, אַז וואָס מער קינדער אין ישראל זאָלן האַלטן דעם עקזאַמען אין די יידיש־קענגשטאַנדן, טאָ זאָלן פריער די פריינד פון יידישן וואָרט שטעלן זיך צום עקזאַמען פון מאָבילוזירן עלטערן, ווערבירן שילערס און איבערצייגן די פּעדאַגאָגן. אַ דאַנק דעם וועלן מיר נאָך זוכה זיין צו הערן אַ יידיש וואָרט פון ישראלדיקע קינדער...

ווי האַלט מען שוין דערביי? !...

(י"ש ת"א, 17.8.77; א"ו פּאַריז, 24.9.77)

# אַ ביסל מער יושר ביים פּאַרטיילן ליטעראַטור־פּרעמיעס

שוין אַ לענגערע צייט ווי איך טראָג זיך אַרום מיטן געדאַנק עפנטלעך צו באַרירן דעם ענין אַנטשיידונגען פון די פאַרשידענע זשורי'ס, וואָס טיילן פּרייזן פאַר פען־מענטשן, נאָר תמיד האָט דיך עפּעס אָפּגעהאַלטן: כ'ווייס, אפשר־טאָמער וועט מען דיך חושד זיין אין אינטערעסאַנטישקייט, נישט־פאַרגינערישקייט, צי פּערזענלעכע חשבונות, רחמנא לצלן, כלפּי עמעצן פון די פּרעמירערס אָדער פּרעמירטע. און נאָך עפּעס: צי וועלן רעדאַקטאָרן זיין גרייט אָפּצודרוקן אַזאַ סאָרט פראַגע־טענה־שטוינונג אויפן אַדרעס פון יענע ליטעראַטור־שופטים און פּוסקים, וואָס טיילן ביד רחבה פּרייזן פאַר די שוין, קיין עין־הרע, פיל מאָל געפּרייזטע שרייבערס, ביים גלייכצייטיקן פאַרזען אָדער פאַרגעסן יענע טאַלאַנטן, וואָס האָבן כמעט ווי נישט געגנאָסן פון דער שפע ליטעראַרישע כיבודים און אָנערקענונגען. ווי ס'זאָל נישט זיין, איז די טעמע אַ דעליקאַטע, אָדער האַרבע, ווי איינער פאַרשטייט זי.

נאָר פאַר אַלעמען וויל איך פאַרזיכערן, אַז מיט די ווייטערדיקע שורות בין איך נישט אויסן צו טרעפן, חלילה, וועמען פון די וואָס זענען ביז איצט באַלוינט געוואָרן מיט ליטע־ראַטור־פּרייזן, און אַוודאי נישט — זייערע באַלוינערס. איך וויל בלויז אָנרעגן און באַוועגן צו מחשבה (און מעשים טובים) די שוין עקזיסטירנדיקע זשורי־קאָמיסיעס און די וואָס וועלן נאָך מיט דער צייט געשאַפן ווערן, זיי זאָלן מיט אַ ביסל מער גערעכטיקייט און געהעריקער פּראָפאָרץ, אָנוועגדן אַנדערע, ווי ביז איצט, קריטעריומס ביים טיילן די אויסצייכענונגען און נישט פאַרגעסן, למען השם, יענע דיכטערס, שרייבערס און קולטור־טוערס, וועמען ס'האָט

ביז איצט כמעט ווי נישט צוגעשפּילט דאָס מזל, מ׳האָט זיי פּשוט פאַרזען און דעריבער איז מען „אַרויסגעפאַלן״ פון דער בכבודיקער ליסטע פון באַלוינטע, פּרעמירטע און אָנערקענטע. איך קום נישט איצט מיט אַ נאָמענטלעכער רשימה פון די באַ׳עוולה׳טע, נאָר — המבין יבין...

☆

לעצטנס זענען פון דער בני מרדכי־פונדאַציע פּרעמירט געוואָרן צוויי ליטעראַרישע קאַפּאַציטעטן: פּראָפ׳ דב סדן און דער דיכטער־שרייבער־עסייאיסט־פּובליציסט יצחק יאַנאַסאָוויטש. צו די אַלע ריכטיקע און פיינע כאַראַקטעריסטקעס פון דער זשורי (פּייוול זיגעלבוים, מרדכי חלמיש און שמעון קאַנץ), וואָלט איך געקאָנט צוגעבן נאָך און נאָך מעלות טובות פאַר די צוויי, ווייל זיי האָבן זיך אַלץ כשר און ערלעך פאַרדינט. אמת ויציב זענען אויך געווען די אָפּשאַצונג פון די באַגריסערס (יצחק קאָרן, ישראל כהן און נחמן ראַפּפּ) אויף דעם פייערלעכן אָוונט פון צוטיילן דעם פּרייז א. נ. פון י. ל. פּרץ צו דב סדן, און א. נ. פון ה. לייוויק — צו יצחק יאַנאַסאָוויטש. דער פאַקט וואָס דער גרויסער זאַל פון „בית סאָקאָלאָוו״ אין תל־אביב איז געווען איבערפולט מיט אַן עולם פּען־מענטשן און ליבהאָבערס פון יידישן וואָרט, באַווייזט אָן שום ספק, אַז די צוויי חתנים פון די פּרייזן זענען טאַקע אָנערקענטע און פּאָפּולערע ליטעראַרישע אויטאָריטעטן. והראיה — ביזן באַקומען די איצטיקע פּרעמיעס, באַזיצן ביידע אַ גאַנצע ריי אויסצייכענונגען, ווי דאָס ווערט דערציילט אין דעם פיינעם, אָפּגעדרוקטן פּראָספּעקט־פּראָגראַם, וועלכער איז פאַרטיילט געוואָרן אויפן דערמאָנטן אָוונט:

דב סדן — באַקומען אַ גרויסע צאָל ליטעראַטור־פּרייזן, צווישן זיי: פּרס ישראל, פּרס ביאַליק, פּרס פּיכמן, פּרס מאַנגער אאז״וו, אאז״וו.

יצחק יאַנאַסאָוויטש — זלמן שזר־פּרייז, ירושלים־פּרייז, יעקב גלאַטשטיין־פּרייז, פּיכמאַן־פּרייז, פּרייז פון ראש הממשלה.

איך צווייפל נישט קיין איין מינוט, אַז די אַלע הויכע, בכבודיקע אויסצייכענונגען זענען אַ פּועל־יוצא פון אָביעקטיווער אָפּשאַצונג און אויפריכטיקער אָנערקענונג פאַר פּראָפ׳ דב סדן און י. יאַנאַסאָוויטש, און די דערמאָנטע זשורי האָט דאָך זיכער געוווסט וועגן דעם אַלעמען. טאַקע דערפאַר דערלויב איך מיר צו באַרירן אַ פּראַגע, אָן וועלכע ס׳איז פּניות, צי זייטיקע כוונות:

אַזוי ווי די בני מרדכי־פּרעמיע איז אַ נייע (ערשט צום צווייטן מאָל פאַרטיילט געוואָרן) און אויך אַן אַנאָנימע (מיר ווייסן נישט ווער זענען אירע פונדאַטאָרן) — האַלט איך, אַז עס וואָלט געווען אַ סך יושרדיקער צו פאַרטיילן זי צו צוויי ווייניקער באַקאַנטע, הגם נישט אַנאָנימע פּען־מענטשן, וועמענס ליטעראַרישע פּרוכט, אין כמות ווי אין איכות, קוואַליפיצירט זיך פּרעמירט צו ווערן.

פאַראַן אין ישראל און אין די תפוצות אַ באַדייטנדיקע צאָל שרייבערס, וואָס צוליב פאַרשידענע סיבות באַלאַנגען זיי נישט צום „קלוב פון פּראָמינענטע און אָנערקענטע״, ווייל זעלטן ווען מ׳איז זיי מזכה מיט שיריים פון דער שפע ליטעראַטור־פּרייזן. אָבער מיר אַלע ווייסן, אַז אויך זיי נייטיקן זיך אין אַ ביסל דאָברי־מזל. וויפל איז דער שיעור צו בלייבן „מחוץ לתחום״, דיסקרימינירט און באַעוולט? זייט וויסן, אַז פון אַזאַ מ׳שטיינסגעזאָגטן „מעמד״, איז שוין נישט ווייט צו פילן זיך ווי אָנגעהעריקע צו די (ווי הייסט עס דאָרט ביי דאָסטאָיעווסקין) דערנידעריקטע און באַליידיקטע...

דעריבער, חשובע זשורי־חברים: אַ ביסל מערער יושר ביים פּרעמירן שרייבערס!

(י״ש ת״א, 17.1.79)

# י. ל. פּרץ באַקומען אַ תיקון אין תל־אביב...

ערשט נישט־לאַנג באַזוכט דעם נייעם לאָקאַל פון דער פּרץ־ביבליאָטעק אין תל־אביב — און ס'האָט מיך פּאַרכאַפּט זיין רחבותדיקייט, דער אויסבליק אויפן ים דורך די מיט זון באַגאָסענע פענצטער, די סקולפּטור (ביוסט) פון פּרץ'ן, די פיינע אויסשטעל־שענקלעך מיט די נייעסטע יידיש־אויסגאַבן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, די טישן מיט שטולן, אויף וועלכע עס זיצן טרייע לייענער פון יידישן וואָרט, פאַרטיפט אין בוך, ווי אונדזערע אבות אין אַ בלאַט גמרא אין דער אַלטער היים... „נישט אַנדערש — האָב איך געטראַכט אונטערן ערשטן איינדרוק, — אַז יצחק־לייבוש פּרץ האָט גראָד אין תל־אביב באַקומען דעם אמתדיקן תיקון זיינעם"...

✡

מיט 31 יאָר צוריק האָבן עטלעכע פאַנאַטיקער פון יידישער קולטור און „פאַרברענטע יידישיסטן", אינספּירירט און דערמוטיקט דורך לינקע פּועלי־ציון אין לאַנד און אין אויסלאַנד, אויפגעשטעלט אַ באַשיידענע ביבליאָטעק פון יידישע ביכער אין תל־אביב — דאָס איינציקע און ערשטע יידיש אינדזעלע אינעם גרעסטן צענטער פון לאַנד, וואָס האָט נישט נאָר איבער־געשטאַלטיקט און איבערגעפורעמט דאָס אייגענע פאָלק, נאָר אויך געטראָגן מיט זיך אַ פול־שטענדיקע רעוואָלוציע אין זיין שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור. די אָקערשט געקומענע פון בערדיטשעוו, ווילנע, וואַרשע און אָדעס, האָבן אינעם אימפּעט פון באַפרייען זיך פונעם גלות־רעקוויזיט, אויך געוואָלט פּטור ווערן פון דער שפּראַך, אין וועלכער די מאַמע האָט איינגעוויגט צום שלאָף און אויף וועמענס ליטעראַטור און קולטור מען האָט זיך דערצויגן צו אהבת־ציון און שיבת־ציון. דערפאַר איז נישט געווען מקנא צו זיין יענע טרעגער פונעם יידישן וואָרט אין ארץ־ישראל: זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות פאַר זייער עקשנותדיקן קלאַמערן זיך אינעם „גלות־זשאַרגאָן", פאַר זייערע העראָישע אַנשטרענגונגען אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין יידיש, אַדורכפירן אין דער דאָזיקער שפּראַך אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג, צי אויפשטעלן יידישע קולטור־אינסטיטוציעס.

נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, האָט די י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק זיך כסדר אַנטוויקלט. איר האַלטן זיך במשך פון יאָרצענדליקער אויף איינער פון די צענטראַלסטע גאַסן אין תל־אביב און איר איצטיקער „שפּרונג" איבער 14 הייזער פון דערזעלבער אלנבי־גאַס, נענטער צום ים, איז אפשר אַן אָנזאָג פאַר „דעראָבערן נייע מערק", ווער ווייסט — אויב נישט אויך מעבר־לים...

✡

היינט־צו־טאָג באַזיצט די פּרץ־ביבליאָטעק אין תל־אביב נישט נאָר אַ שיינעם זאַל, נאָך אויך דריי סעקטאָרן, מיט וועלכע אַנדערע, ענלעכע אינסטיטוציעס, וואָלטן זיכער געמעגט שטאָלצירן.

קודם־כל — די לייַ־ביבליאָטעק גופא מיט אירע 15 טויזנט ביכער אין יידיש, עברית און פּויליש. פאַרשטייט זיך, אַז דעם אויבנאָן פאַרנעמט אונדזער היימישע יידישע ליטעראַטור (ביי קאַרגע 8 טויזנט פּאָזיציעס). אויך מיט דער צאָל לייענער איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך: 4.200 רעגיסטרירטע, דערפון — מערער ווי אַ העלפט אַקטיווע. אַזוי־ווי פון דער ביבליאָטעק געניסן אויך ביי אַ 500 קינדער (אָבער שוין פון די עברית־ביכער, ווייל יידיש איז זיי, ליידער, פרעמד), איז זיך פאַרצושטעלן די לעבהאַפטע באַוועגונג דאָרט אַ גאַנצן טאָג.

✡

דער צווייטער סעקטאָר, די פאַרקויף־שטעלע פון יידישע און פּוילישע ביכער, האָט פיל געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע און איר געשאַפן אַ שם־דבר אַלס

קוואַל ווו מען קאָן באַקומען די נייעסטע אויסגאַבן. אין די ראַמען פון דעם אַלגעמיינעם הסכם צווישן די רעגירונגען פון ישראל און די פאַרייניקטע שטאַטן, קומען אויך אַריין אין לאַנד יידישע ביכער פון אַמעריקע, וואָס ווערן פאַרקויפט דורך דער פרץ־ביבליאָטעק. הײנט — די באַדייטנדיקע מתנות פון געגוצטע ביכער פונעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, פון אַ ריי פריינד אין ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, לאָס־אַנזשעלעס, קאַנאַדע און אַרגענטינע, וועלכע קאַרגן נישט קיין מי און אָנשטרענג אויף צו פאַרגרעסערן דעם ביכער־פאָנד פון דער ביבליאָטעק — אַ מין „קולטור־מגבית", וואָס דריקט זיך אויס נישט נאָר אין ביכער, נאָר טאַקע אויך אין מזומנים... אויך דער פאַרקויף פון די נייעסטע פּוילישע אויסגאַבן, וועלכע קומען אָן פון וואַרשע (ווידעראַמאָל — אין די ראַמען פון אַן אָפּמאַך צווישן ביידע רעגירונגען), פאַרגרעסערט נישט נאָר דעם פאָנד פון די ביכער, נאָר אויך דעם... אומזאַץ־קאַפּיטאַל.

✫

אַ גאָר באַזונדערע פרשה איז דער פאַרלאַג. ערשט מיט אַ יאָר צוריק, ווי ס'איז דערשינען דאָס ערשטע בוך פון דעם דאָזיקן פאַרלאַג — און היינט פאַרמאָגט ער שוין הינטער זיך אַ גאַנצן „מנין" פּאָזיציעס פון באַדייטנדיקע יידישע שרייבער און דיכטער, וואָס אַלע לעבן זיי און שאַפן אין ישראל. און ווי פאַרביק עס איז די גאַלעריע מחברים, וועלכע האָבן שוין זוכה געווען צו דערשיינען אינעם פאַרלאַג פון דער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, אַזוי פאַרשידנאַרטיק איז די טעמאַטיק פון זייערע ווערק. נאָר מען מוז זיי אַלעמען אויסרעכענען — לויטן סדר ווי זיי זענען שוין דערשינען, און ווי זיי וועלן נאָך דערשיינען. אַלזאָ; זרבבל — „בלעטער פון אַ לעבן" (צוויי בענד); מענדל מאַן — „נאַכט איבער גלוֹשינאָ"; א. סוצקעווער — „אין מדבר סיני"; י. טאַבאַקסמאַן — „מיינע איבערלעבונגען בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע אין בעלגיע"; ש. בערלינסקי — „בילדער און דערציילונגען"; ק. צעטניק — „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" („דאָס דאָזיקע בוך איז ביז איצט דערשינען אין 14 שפּראַכן, דערונטער אויך אין יאַפּאַניש. בלויז אין ענגליש האָט „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" זוכה געווען צו 15 אויפלאַגעס!); י. פּאַפּיערניקאָוו — „היימישע און נאָענטע"; י. בירשטיין — „אויף שמאָלע טראָטואַרן" (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן; דער מחבר — אַלייז אַ חבר אין קיבוץ גבת).

✫

די ביז איצט דערשינענע ביכער האָבן אַרומגענומען בלויז ישראלדיקע מחברים. אין די ווייטערדיקע פּלענער פון פאַרלאַג, וועלכע וועלן גאָר בקרוב רעאַליזירט ווערן, טרעפן מיר זיך שוין אָן מיט אַזעלכע נעמען, ווי: י. פּאַט — „שמועסן מיט יידישע שרייבער"; י. לעשטשינסקי — „דאָס פּנים פון גלות־יידנטום" (די צוויי ביכער וועלן דערשיינען אין... עברית). ה. לייוויק — „סיבירער זכרונות". אָבער אויך די ישראלדיקע שרייבער וועלן נישט באַעוולה'ט ווערן. אָט גרייט מען צום דרוק א. שרייער'ס — „קונסט און טעאַטער"; יחיאל האָפער'ס — „וואַרשעווער הייף"; ג. ניר־ראַפּאַלקעס — „פּרקים פון לעבן"; אַנטאָלאָגיע פון ארץ־ישראלדיקע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור (פּאָעזיע און פּראָזע), — און אחרון. אחרון חביב: דאָס באַוווּסטע בוך פון מדינה־פּרעזידענט יצחק בן־צבי — „נדחי ישראל", וואָס וועט דערשיינען אין יידיש.

✫

ס'וואָלט בפירוש געווען אַן עוולה אויסצורעכענען דערגרייכונגען און מעשים, אָנעם דערמאָנען כאָטש עטלעכע נעמען פון די, וואָס זענען געשטאַנעןביים וויגעלע פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע און געהאָלפן איר דערגיין צום איצטיקן מעמד. די בכורה קומט קודם־כל דעם פאַרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג, וועלכער שטייט שוין עטלעכע צענדליק יאָר בראש

פון דער ביבליאָטעק — משה גערשאָנאָוויטש; דעם פיאַנער פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע — יעקב אַלסטער; דעם איצטיקן טיכטיקן פאַרוואַלטער און איניציאַטאַר — י. ראָטנבערג. דעם ביז גאַר אַקטיוון אין דער פאַרלאַגס־טעטיקייט — ש. ראָזענבערג. די ביבליאָטעקאַרן — פרומע בוים און ש. אָסאָווסקי.

זיי אַלע שטייען איצט ביי דער טאָגטעגלעכער, גראָער אַרבעט פון אַנטוויקלען אַן ערנסטע, וויכטיקע און צוזאָגנדיקע קולטור־אינסטיטוציע אין תל־אביב, וואָס לויט דער באַשיידענער מיינונג פונעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, איז זי ווערט דעם נאָמען וועלכן זי טראָגט.

(י״ש ת״א, 30.1.58)

# קעצישע געגנ

„די פרומע קאַץ״ פון י. ל. פרץ האָט דאָס ערשטע זינג־פייגעלע נישט דערשטיקט מיט איינמאָל. אַז די קאַץ (דערצו נאָך אַ פרומע), האָט דערזען אין שטוב דאָס קאַנאַריקל, איז איר גלייך קלאָר געוואָרן, אַז זי מוז עס דערשטיקן. אלא וואָס? פאַרן אויספירן דעם מאָרד־אַקט האָט די קאַץ, אויס רחמנות, דערלאַנגט איר קרבן עטלעכע קאָמפּלימענטן: „אַזאַ שיינס, אַזאַ מחיהדיק פייגעלע״. און דערנאָך, ווי עס שילדערט דער גרויסער מייסטער י. ל. פרץ — „פליען שוין פעדערן אין צימער״...

אַזוי בערך האָט זיך אויפגעפירט י. ארטוסקי מיט זיין אָפּהאַנדלונג וועגן „דאָס בוך פון לובלין״, אָפּגעדרוקט אין די בונדישע „לעבנספראַגן״ נומ׳ 21. פאַר י. א. איז לכתחילה געווען קלאָר, אַז ער דאַרף אַראָפּרייסן די גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן יידישן לובלין. אלא וואָס? עס מאַכט אַ לייטישערן איינדרוק, ווען מען דערלויבט זיך אויך עטלעכע קאָמפּלימענטן פאַרן בוך. שרייבט ער טאַקע: „אויבנאויפיק מאַכט דאָס בוך אַן אָביעקטיוון איינדרוק. עס זענען דאָרט פאַרטראָטן מיט אַרטיקלען און זכרונות מענטשן פון כמעט אַלע צווייגן און ריכטונגען און זיי שפּיגלען אָפּ די פיל־פאַרביקייט פון דער דאָזיקער אַמאָל דינאַמיש־יידישער שטאָט. אויסערלעך איז דאָס בוך אַרויסגעגעבן זייער שיין; אויף גוט פּאַפּיר; מיט פּרעכטיקע צייכע־נונגען, מיט העכער 200 פאָטאָגראַפיעס״.

און דערנאָך — גרייט זיך. באַלד וועלן פליען פעדערן. י. ארטוסקי, וועלכער האָט מער ווי וואַרשיינלעך נישט אַדורכגעלייענט דאָס בוך, און ער קאָן נישט כמעט דאָס פאַרמלחמהדיקע יידישע לובלין, שרייבט צוו. אַנד.:

„די אויבנאויפיקע אָביעקטיווקייט איז אָבער נאָר אַ ראַפינירטער מיטל צו פעלשן די אַמאָליקע לובלינער ווירקלעכקייט און איז ביכולת אַריינצופירן אין אַ טעות די אַלע וועלכע זענען ווייניק באַקאַנט מיטן אַמאָליקן יידישן לעבן פון דער דאָזיקער שטאָט... די פאַרקערטע פראָפּאַרץ וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען אין יידישן לעבן פון לובלין — שטעלט אין אַ פאַלשער ליכט דעם כאַראַקטער און אויסזען פון דער שטאָט... די אויסערלעכע שיינקייט וועט אָבער נישט זיין ביכולת צו פאַרדעקן די מיאוסקייטן, וואָס זענען אָפּגעטאָן געוואָרן מיטן דאָזיקן יזכור־בוך. די ערלעכע לובלינער לאַנדסלייט וועלן דאַרפן ווי געהעריק רעאַגירן אויף דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע פון זייער אָנדענק־שטאָט״...

וועט יעדער בר־דעת פרעגן: פאַרוואָס אַזאַ מאָרד־אַקט איבער אַ בוך, וואָס איז בלויז קדושה פאַר יעדן לובלינער ייד? פאַרוואָס אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע פון דער גייסטיקער מצבה איבער דער עיר ואם בישראל?

י. ארטוסקי האָט אויף דעם אַ „באַרעכטיקונג״, אפילו אַן „אידעישע״: אַזוי ווי דער

„בונד” איז אין לובלין געווען די שטאַרקסטע און איינפלוסרייכסטע פּאַרטיי, און אינעם בוך איז זיין ראָל פאַרמינערט געוואָרן, בעת די ראָל פון אַנדערע פּאַרטייען איז דאָרט קינסטלעך אַרויסגעהויבן געוואָרן — דאַרף מען זיך אָפּקערן פון דעם „בוך פון לובלין” ווי פון אַ פּעסט — און אָפּגעמעקט זאָל עס ווערן.

צו אָט די משונהדיקע אויספירן קומט י. א. אין נאָמען פון „עלעמענטאַרער ערלעכקייט”. ער שרייבט: „זאָל מען האָבן וואָסער באַציאונג מען וויל צום „בונד”, אָבער האָט עמיצער זיך אונטערגענומען צו שטעלן אַ בוך־מצבה — איז עס אַ זאַך פון עלעמענטאַרער ערלעכקייט אַכטונג צו געבן, אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל אַנטשפּרעכן דעם אמתן כאַראַקטער פון דער שטאָט”.

ווילן מיר טאַקע, אין נאָמען פון עלעמענטאַרער ערלעכקייט פעסטשטעלן, אַז קיינעם פון די רעדאַקטאָרן פונעם בוך, ווי דעם רעדאַקציע־קאָמיטעט אַלס גאַנצן, איז לחלוטין נישט איינגעפאַלן צו דיסקרימינירן אָדער פאַרמינערן די ראָל פון וועלכער ס'איז פּאָליטישער פּאַרטיי, אָרגאַניזאַציע, צי אינסטיטוציע פון אַמאָליקן לובלין. ביי די לעבן־געבליבענע לובלינער יידן, טוער און מיטגלידער פון פּאַרטייען און געזעלשאַפטן, האָט מען אומאויפהערלעך געפּאָדערט מאַטעריאַלן פאַרן בוך. און אויב ס'איז געוואָרן צוגעשטעלט — איז עס אַריין אין דער קאָלעקטיווער מאָנאָגראַפיע, אָן צענזור און קירצונגען (אויסער רעדאַקציאָנעלע אויסבעסערונגען). די גרויסקייט, פאַרנעם און השפּעה פון יעדער פּאַרטיי, איז אינעם בוך געקומען צום אויסדרוק נאָר לויט דעם צוגעשטעלטן מאַטעריאַל. דאָס האָט די פּאַרטייאישע אַמביציע פון די לעבן־געבליבענע פּאַרטיי־לייט דעצידירט, ווי אַזוי יעדע פּאָליטישע גרופּירונג אינעם יידישן לובלין, זאָל באַקומען איר תיקון אינעם בוך. ביי די לובלינער בונדיסטן אָבער, וואָס זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון זייער פּאַרטיי אין דער אַלטער היים און געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל, איז, לײדער, נאָך דער באַפרייַונג, פאַרלוירן געגאַנגען די דאָזיקע פּאַרטייאישע אַמביציע. אַזעלכע דערפאַרענע און אַקטיווע בונדיסטן, ווי לייבל לערער, הערצמאַן, די ברידער אהרון און חיים גיסענבוים, בעריש קרעמפּעל און דער מיט אַ צייט צוריק פאַרשטאָרבענער ד"ר שלמה הערשנהאָרן, האָבן ווינציק, זייער ווינציק, געשריבן וועגן זייער פּאַרטיי, און בלויז זיי זענען שולדיק דערין, אויב דער באמת שטאַרקער „בונד” אין אַמאָליקן לובלין, איז אינעם בוך אין אַ געוויסער מאָס פאַרבלאַסט געוואָרן. און די זעלבע אָפּשאַצונג איז אויך ריכטיק לגבי אַלע איבעריקע פּאַרטייען אין לובלין. אָט אַ שטייגער, איז אַזאַ פּאַרטיי ווי די רעוויזיאָניסטן, וועלכע האָט געהאַט באַשטימטע איינפלוסן צווישן לובלינער יידנטום, כמעט ווי נישט דערמאָנט געוואָרן אינעם בוך, פּשוט דערפאַר, ווייל די ביים לעבן געבליבענע רעוויזיאָניסטן, וואָס געפינען זיך אין ישראל, האָבן בויקאָטירט דאָס בוך, נישט אָנגעבנדיק אפילו די סיבות אָדער אַ פאַרמעלע מעלדונג וועגן אַזאַ חרם. ווייל אַ נישט־בונדיסט און אַ נישט־רעוויזיאָנסט זענען דאָך נישט געווען מחויב (און טאַקע נישט געוואוסט, אפילו ווען זיי וואָלטן שוין יאָ געוואָלט!) צו שרייבן וועגן די דאָזיקע צוויי פרעמדע פאַר זיי פּאַרטייען. און י. אַרטוסקי האָט וועגן דעם געוואוסט, נאָך איידער ער האָט זיך געזעצט שרייבן זיין „רעצענזיע” וועגן לובלינער בוך.

פאַראַן נאָך טענות פון י. א. צום בוך. אין דער רשימה פון געזעלשאַפטלעכע טוער פעלט דער נאָמען און די פאָטאָגראַפיע פון בעלא שפּירא. ווידער דאָס זעלבע: ווער האָט געדאַרפט שרייבן וועגן בעלאַ שפּירא, אויב נישט אירע ביים לעבן־געבליבענע נאָענטע מיטקעמפער און פּאַרטיי־חברים? אגב ווערט דער נאָמען בעלא שפּיראָ און איר טעטיקייט דערמאָנט אינעם בוך גאַנצע פינפאונצוואָנציק מאָל, אויף פאַרשידענע ערטער און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אָבער, ווי געזאָגט, אַרטוסקי האָט „דאָס בוך פון לובלין” נישט געלייענט, האָט ער במילא „פאַרזען” בעלא שפּירא. דאָס זעלבע וועגן הענריק ערליך, וועלכער איז אויך נישט אַריין אין דער רשימה, אָבער אינעם בוך ווערט ער דערמאָנט פיר מאָל אין שייכות מיט זיין געבורט און טעטיקייט אין לובלין. און וועגן דער „אויפגעדעקטער נבלה אין פאַריז” צוליבן אַריינפלעכטן

י. ניימאַנס אַרטיקל וועגן בונד אינעם אַרטיקל פון ד"ר ש. הערשענהאָרן, האָבן שוין געגעבן אַ דערקלערונג אין דער פּאַריזער יידישער פּרעסע דריי מיטגלידער פונעם בוך־קאָמיטעט אין פראַנקרייך. צוליב דער איינשטעלונג פון אַ טייל רעדאַקציע־מיטגלידער, איז אַרויסגענומען געוואָרן דער נאָמען ניימאַן, אָבער זיין אָנגעשריבענער מאַטעריאַל איז אַריין אינעם בוך. עס געשעען אַזעלכע זאַכן אין רעדאַקציעס, און אַרטוסקי, דער צייטונגס־מענטש, וואָלט פון דעם שטח אויך געהאַט צו דערציילן אינטערעסאַנטס און פּיקאַנטס...

גרונטלאָז איז דאָך אויך אַרטוסקיס פּרעטענסיע, אַז מען האָט געדאַרפט איינלאַדן וועמען פון „בונד" אינעם רעדאַקציע־קאָמיטעט. וואָלט ער יאָ געהאַט געלייענט דאָס בוך, אַפילו בלויז די ערשטע בלעטלעך, שטייט דאָרט אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס, (זייט 14, אַריינפיר) אַז „די ערשטע רעדאַקציע־קאָלעגיע אין באַשטאַנד פון פּראָפ׳ נ. בלומענטאַל, ד"ר הערשענהאָרן און ד. שטאָקפיש איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער יידן אין 1947 אין ווראָצלאַוו". אַלזאָ, אויף אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דריי פּערזאָן, איז דערוויילט געוואָרן דער בונדיסט הערשענהאָרן. אין די יאָרן 50—1948 האָט דער לובלינער בונדישער וועטעראַן לייבל לערער זיך געפונען אין פּאַריז, ווו דאָס בוך איז געגרייט געוואָרן, און וואָלט ער נאָר געוואָלט, איז פאַר אים געווען אַן אָפענע טיר אינעם בוך־קאָמיטעט. אויב ביים אויסענ־דיקן די מאָנאָגראַפיע, האָט זיך אינעם רעדאַקציע־קאָמיטעט נישט געפונען קיין איין בונדיסט, איז עס איינציק און אַליין די שולד פון די בונדיסטן. אַוודאי, דער בונדיסט אַרטוסקי שעמט זיך וועגן דעם צו דערציילן (ער האָט וועגן דעם אַלעם געוווּסט!), האָט ער דאָך לכל הפּחות געדאַרפט מאַכן אַ שוויגג, איידער כאַפּן זיך רעצענזירן אַ בוך, כדי עס אַרונטערצורייסן אויף אַזאַ ווילדן אופן.

„דאָס בוך פון לובלין" איז נישט פריי פון פעלערן. נישט אויסגעשלאָסן, אַז ביי אַ צווייטער אויפלאַגע (אין עברית), וועלן די דאָזיקע בלויזן באַזייטיקט ווערן. ווען אָבער וועט די יידישע פּובליציסטיק זיך באַפרייען פון אָט די קעציש געגנג, אַפילו ווען זיי ווערן געמאַכט אין נאָמען פון „עלעמענטאַרער ערלעכקייט"?

(נ"ו ת"א, 23.1.53)

# דער מחבר פון נעכטן וואָס איז פאַרליבט אין מאָרגן

ל. חיין־שמעוני — „נעכטן" (פון נאָענטער פאַרגאַנגענהייט).
פאַרלאַג „אונדזער וואָרט", בוענאָס־איירעס 1959. ז"ז 448.

ערשט נישט לאַנג איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף אַ סיום־ספר־פייערונג אין תל־אביב. דער בעל־השמחה — לייבל חיין־שמעוני; דער אָביעקט פון פרייד — זיין אָקערשט דערשינען בוך „נעכטן" — דאָס פּערטע לויט דער ריי ספרים פון טעמפּעראַמענטפולן און שעפערישן פּובליציסט, שרייבער און געזעלשאַפטלעכן טוער, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל מידות טובות, וויפיל ליטעראַרישע פּסעוודאָנימען...

געווען פאַר מיר אַ גרויסער חידוש אויף דער אויבנדערמאָנטער פייערונג, הלמאי אַזאַ ייד ווי שמעוני, וואָס אָט־אָט ווערט ער אַלט אַ זעכציקער און עפּעס אַ דרייסיק דערפון לעבט ער אין ארץ ישראל, האָט ערשט נאָך אַ העלפט יאָרן (פון די הונדערט און צוואַנציק), זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז געקומען די צייט צו שרייבן אויף וועגן נעכטן.

הערט און שטוינט!

צענדליקער פאַרוואָרצלטע העברעישע שרייבער — און פון יידישע פּען־מענטשן איז דאָך אָפגערעדט — האָבן נישט געקענט, צי נישט געוואָלט אַריינקריכן אין ארץ ישראלדיקער

טעמאַטיק, כל זמן זיי האָבן זיך נישט ליטעראַריש „באַפרייט" פון דער אַלטער היים, באַשרייבנ־דיק זייערע שטעטלעך מיט אַלע רמ"ח אברים. ערשט דערנאָך, דערנאָך האָט מען זיך אַ נעם געגעבן צו די פעלדער פון עמק, צו די העלדן פון הגנה און פלמ"ח, צו די בחורים פון צה"ל.

אַזוי איז שוין געווען דער סדר: נאָכן „צערעכענען זיך" מיטן עבר, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מ'דאַרף אויך שילדערן די קעגנוואַרט. ביי שמעונין אָבער איז פונקט פאַרקערט. זיינע ביכער „באַרג אַרויף", „טאָג־איין, טאָג־אויס" און „אונטערוועגנס" זענען על טהרת ארץ־ישראל און ישראל. אין זיי האָט ער באַשריבן די מדינה אונטערוועגנס און ווען זי איז אַרויף אויפן דרך־המלך.

שילדערנדיק דעם היינט, האָט ער שוין געטראַכט וועגן מאָרגן און דערביי זיך געמאַכט פאַרגעסן אינעם נעכטן. ווייזט אויס, אַז נאָך לעבנדיק דאָרט, אין סוואַלק, איז ער מיט טויזנטער גייסטיקע פעדים געווען פאַרקנופּט און פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל. קומענדיק אַהער, איז אים שוין נישט שווער געווען אין משך פון דריי צענדליק יאָר באַדינען מיט זיין קרעפטי־קער פעדער דעם בויענדיקן, קעמפנדיקן און זיך ראַנגלענדיקן ישוב.

האָבנדיק הינטער זיך אַ ליטעראַרישן באַגאַזש פון דריי ביכער, הונדערטער אַרטיקלען און צענדליקער דערציילונגען איבערן היגן לעבן, האָט אויך ל. חיין פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף עפּעס וואָס ווידמען דעם עבר. און דערפאַר האָבן מיר זוכה געווען צום סיום־הספר פון **„נעכטן"**.

☆

מען דערציילט, אַז ווען קאַשטשיושקאָ איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ פּוילישן ייד און זיך זייער מיט אים דערפרייט. ווען קאַשטשיושקאָ האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיין קאַפּאָטע איז אַ פאַרשמירטע, זאָל דער ייד האָבן געענטפערט:

„האַר־לעבן, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון פינטשעוו, איז געווען אַ גרויסע בלאָטע..."

איצט מעג מען זיכער זיין, אַז שמעוני האָט נישט נאָכגעטאָן יענעם פינטשעווער ייד. קומענדיק אַהער, האָט ער נישט געטראָגן אויף זיך די סוואַלקער קאַפּאָטע, נאָר גלייך אַריינגע־קראָכן אינעם ארץ־ישראלדיקן בגד. און אויב ער האָט מיטן לעצטן בוך אַרויפגעצויגן אויף זיך יענע קאַפּאָטע, פון דער אַלטער היים, איז אָבער די סוואַלק פון „נעכטן" שוין באַשטראַלט און געוואַרעמט פון דאַנען, אַז מען מוז דערזען דעם אמתדיקן יידישן המשך אין פּאָזיטיווסטן זין — פון גלות־ליטע ביז אונדזער גאולה.

שילדערנדיק, די געשיכטע פון סוואַלקער טויבן, קאָן זיך נישט דער מחבר באַפרייען פון דער ישראלדיקער אַסאָציאַציע אין שייכות מיט די דאָזיקע חנוודיקע פייגל: „ווען מיינע אומגעקומענע פאַרברענטע און פאַרגאַזטע עלטערן וואָלטן געלעבן און דערלעבט צו זען מדינת ישראל, וואָלטן זיי זיכער געשטוינט צו זען ווי אַזוי ,יידן מיט בערד', זעלנער און אָפיצירן, פריער אין פלמ"ח איצט אין צבא הגנה לישראל, פאַרנעמען זיך און צערטלען די טייערע מיליטערישע פּאָסט־טויבן... באַזונדערס, ווען זיי וויסן דעם חלק און ראָל פון דער צאַרטער טויב אין פּיקוח און הצלות־נפשות בעת דעם יידישן באַפרייאונגס־קריג און בעת דער סיני־קאַמפּאַניע.." (ז' 30).

☆

וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז די מדינה האָט אַוודאי צוריקגעצאָלט איר שרייבער און באַזינגער מידה כנגד מידה און אים געגעבן די גייטיקע באַדינגונגען אָנצוגיין מיט זיין ליטע־ראַרישער שאַפונג. הייבט זיך נישט אָן! נאָך איצט איז לייבל חיין באַשעפטיקט אַלס אָנגע־שטעלטער אין אַ רעגירונג־אינסטיטוציע און ערשט נאָך אַ גאַנץ אָנגעשטרענגטן אַרבעט־טאָג, מוז מען אין די אָוונטן, שבתים און יום־טובים נעמען די פעדער אין האַנט.

און נאָך עפּעס: אַלע ביז איצט דערשינענע ביכער פון דעם היפּהער שרייבער־פּובליציסט

האָבן דערזען די ליכטיקע שיין אין... בוענאָס־איירעס. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין תל־אביב איז אין די לעצטע יאָרן פאַראַן אַ נישקשהדיק פאַרלאַג־וועזן פון יידישע ביכער, האָט אויך דער כתב־יד פון „נעכטן" געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט און מגולגל ווערן אַזש קיין אַרגענטינע.

קלאָר, אַז פון אַזאַ מרחק האָט מען נישט געקאָנט פאַרהיטן דאָס בוך פון אַ ריי פאַרדריס־לעכע רעדאַקטאָרישע און קאָרעקטאָרישע פעלערן.

איז דאָס אַלץ אַ בפירושע עוולה פאַר שמעונין און פאַרן בעסערן יידישן וואָרט אין ישראל. אפשר וועט זי פאַריכט ווערן ביים איצטיקן, פינפטן בוך זיינעם, וואָס האַלט ביים פאַרענדיקט ווערן.

(א״וו פאַריז, 13.5.60 ; י״ש ת״א, אַפּריל 1960)

## אָן סתירות, אָן קאָמפּלעקסן

איז אַוועק אין דער אייביקייט דער שרייבער, פּובליציסט, געזעלשאַפטלעכער טוער און אַרבעטער־קעמפער ל. חן־שמעוני. דער גרויסער עולם וואָס האָט אים באַגלייט אין זיין לעצטן וועג אין חיפה, איז אַוודאי געווען איינשטימיק אין די אָפּשאַצונגען פאַרן דאָזיקן אייגנאַרטיקן מענטש, מיט זיינע גוטע מעלות. הגם מען האָט געוווּסט אַז ער ליידט לעצטנס פון אַ שווערער קראַנקייט און אין עלטער פון 74 יאָר איז נישט אַזוי פשוט מנצח צו זיין דעם מלאך־המוות — האָט זיין טויט דאָך אַרויסגערופן אויפריכטיקן טרויער און באַדויער, וואָס די יידישע ליטע־ראַטור און די אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל האָט געהאַט אַזאַ שווערן פאַרלוסט.

די עצם ביאָגראַפיע זיינע האָט אַ ברירה צו זיין אַ גאַנצער ראָמאַן פאַר זיך, נאָר איך וויל דער עיקר זיך אָפּשטעלן אויף דער פּערזענלעכקייט זיינער, אויף געוויסע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס דאַרפן, לויט מיין מיינונג, זיין אַ באַשטימטער מאָדעל פאַר אַנדערע.

בעת פען־מענטשן, וואָס שליסן זיך אָפּ אין זייער אַרבעט־צימער און אויסער דעם שרייבטיש, עקזיסטירט נישט פאַר זיי מער גאָרנישט, לויטן נוסח „זאָל ברענען די גאַנצע וועלט" — איז אָבער חיין־שמעוני, דער מחבר פון זיבן ביכער (דאָס אַכטע געפינט זיך אין דרוק), נישט געווען אויף אַזוי פיל עגאָצענטריש. דער גורל פון דער וועלט, פון אונדזער פאָלק און פאַר אַלעמען — פון אונדזער מדינה — איז אים געווען נאָענט און טייער, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק נישט נאָר אין די ספרים און מאמרים, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן, נאָר אויך אין זיין חלוצישן טאַט, ווען ער האָט עולה געווען פון ליטע מיט 50 יאָר צוריק און דורכגעמאַכט אַלע גילגולים פון אַ מענטש פון דער דריטער עליה: אַרבעט — שוואַרצע, שווערע, אויך אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, מאַלאַריע און אַנדערע שלעק. נאָר פון ביידע הענט נישט אַרויסגע־לאָזט דעם האַמער (אַלס פּראָלעטאַריער), די ביקס (אַלס „הגנה"־מענטש) און די פען (אַלס שרייבער און זשורנאַליסט).

אָטאָ דער „דריי־בונד" איז געווען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר שמעונין אין משך פון זיין גאַנץ לעבן. ער האָט נישט געזען קיין שום סתירה צווישן פיזישער אַרבעט, גייסטיקער מי און סאָציאַלן געראַנגל. נאָך אין דער אַלטער היים, אין ליטע, איז ער צוגעשטאַנען צו לינקע פועלי־ציון און טריי געדינט דער דאָזיקער באַוועגונג אין ארץ־ישראל, געהערט צו די אָנפירנדיקע חברים.

✡

אין די הונדערטער קאָן מען אָנציילן די אַרטיקלען וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „נייוועלט", אין דער „אַרבעטער־צייטונג", אין „ישראל־שטימע" און אין אַנדערע אויסגאַבן

אין דער וועלט און אין לאַנד. ער האָט אויך געשריבן פאַר דער העברעישער פּרעסע — און ס׳איז ווידער כּדאַי אונטערצושטרייכן, אַז בנוגע יידיש־העברעיש האָט ער נישט געזען קיין שום סתירות צווישן די צוויי שפּראַכן, נישט געליטן פון וועלכן ס׳איז קאָמפּלעקס צו העברעיש, ווען ר׳איז גערודפט געוואָרן פאַר זיין ליבע צו יידיש און זיין אהבת עברית, ווי די קענטעניש פון דער דאָזיקער שפּראַך, האָבן אויף אַ האָר נישט אָפּגעשוואַכט זיין סענטימענט און פאַר־ערונג פאַר אונדזער מאַמע־לשון. די „שפּראַכן־שאָוויניסטן" פוןביידע לשונות וואָלטן געמעגט זיך לערנען ביי שמעונין, אַז אויב ס׳איז מעגלעך מיזוג גלויות (צונויפשמעלץ פון גלותן), אַזוי לייגט זיך אויפן שכל מיזוג שפות (צונויפשמעלץ אָדער קאָ־עקזיסטענץ פון שפּראַכן), ווי אין בעלגיע, שווייץ און אַנדערע לענדער.

געוועזן ביי שמעונין נאָך אַ „שוואַכקייט". ער האָט מיט אַ סך טעמפּעראַמענט און וואַגיקער אַרגומענטאַציע אָנגעגריפן דעם רעליגיעזן „עסטאַבלישמענט" אין ישראל פאַר זיין פאַנאַטיזם, דאָגמאַטישקייט און צוואַנג־פּאָליטיק, פון נישט וועלן זיך רעכענען מיט דער נייער ווירקלעכקייט. און ווידער דאָס זעלבע: פון איין זייט — האָט ער געהאַט דעם גרעסטן כבוד און אָפּשיי פאַר דעם גלויביקן יידן, ביי וועמען אמונה איז אַן ענין צווישן אים מיטן רבונו־של־עולם, אָבער נישט צו פאַרוועבן מיט איר פּאָליטיק, פּאַוואָריזירן וועלכע ס׳איז פּאַרטיי און דערגיין די יאָרן די וואָס ווילן זיך פירן פריי און וועלטלעך — וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט... דערפאַר אָבער איז ער געווען אַן פשרות כּלפּי דעם ראַבינאַט און רבנים.

מיטן טויט פון ל. חן־שמעוני איז אַוועק אַן אייגנאַרטיקע געשטאַלט פון אַ קרעפטיקן שרייבער, טאַלאַנטירטן זשורנאַליסט און וואַרעמען ייד וואָס האָט געהאַט אַן אָפן אויער, אויג און האַרץ פאַר די אַלע סאָציאַלע, פּאָליטישע און הומאַניטאַרע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ס׳האָט זיך געראַנגלט די מדינה אונטערוועגנס און מדינת ישראל. ער וועט פעלן דער יידישער פּרעסע, דער יידישער ליטעראַטור און דער חלוצישער מחנה אין לאַנד.

(י"ש ת"א, 24.7.74)

## צוויי מצבות לזכר אומגעקומענע יידישע שטעטלעך

„פּנקס נאָווי־דוואָר", רעדאַקציע: אריה שמרי, דב בעריש פּירסט. אַרויסגעגעבן דורך די נאָווי־דוואָרער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל און אַנד. לענדער. תל־אביב, תשכ"ה — 1965. עברית און יידיש (556 ז"ז), ווי אויך אַ תמצית אין ענגליש (29 ז"ז).

„לעבן און אומקום פון אָלשאַן". אויסגאַבע פון אָלשאַנער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל. תל־אביב, מאַי 1965. אין יידיש (432 ז"ז). רעדאַקטאָר פון עברית־טייל: מאיר שלי.

✡

צוויי ספרים־מאָנומענטן וואָס דאַרפן דערפילן די זעלבע שליחות: פאַראייביקונג. ווייל וואָס בעצם איז נאָך געבליבן צו טאָן פאַר די יידישע נאָווי־דוואָר און אָלשאַן, ווי שטעלן נאָך זיי מצבות? די צוויי ערטער, פּונקט ווי הונדערטער אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל וויטאַליטעט, געלעבט אין כּסדרדיקן אידעישן געראַנגל, פאַרמעסטן, אמת־זוכענישן און זענען אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן — קענען באַקומען זייער תיקון נאָר אין יזכור־ביכער.

די שארית־הפליטה פון נאָווי־דוואָר און אָלשאַן האָבן אין די ספרים טריי אָפּגעשפּיגלט זייער היים, סביבה און אומקום. צי זיי האָבן דאָס געטאָן אויס נאָסטאַלגיע צו די קינדער־און יוגנט־יאָרן, צי אויס דרך־ארץ פאַר די אומגעבראַכטע טאַטע־מאַמע, צי זיי האָבן נישט געוואָלט

בלייבן הינטערשטעליק לגבי אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן — זייער אָרט אינעם פּאַנטעאָן פון יידישער קדושה און גבורה איז איצט געזיכערט. דערפאַר קומט אַ יישר־כוח די אַלע פּשוטע, האַרציקע יידן, וועלכע האָבן נישט געקאַרגט קיין שווערע מי און געלט־מיטלען אויף צו פאַראייביקן זייערע שטעטלעך.

אַדאָלף רודניצקי, איינער פון די גרעסטע היינטצייטיקע פּוילישע פּראָזאַיקער (פון יידישער אָפּשטאַמונג), וועלכער האָט אַליין איבערגעלעבט די געטאָס פון לעמבערג און וואַרשע, שרייבט: „אַזוי פיל זענען מיר ווערט אויף וויפל מיר געדענקען אונדזערע פאַרשטאָרבענע". די נאָווי־דוואָרער און אַלשאַנער האָבן טאַקע נישט פאַרגעסן די אומגעקומענע, דערציילט אויף הונדערטער זייטלעך וועגן דער ברויזיקער און קאָכיקער אַקטיוויטעט, וועגן צענדליקער יאָרן פּאָליטישע, פּאַרטייאישע, געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און רעליגיעזע טעטיקייטן מיט וועלכע עס האָבן זיך פאַרנומען יונג און אַלט, מענער און פרויען, וועלטלעכע און פרומע. דאָס אַלץ קומט צום אויסדרוק אין צענדליקער אַרטיקלען און בילדער.

דער אָפּטייל צווישןביידע וועלט־מלחמות אין ביידע ביכער לייענט זיך טאַקע מיט אַ באַזונדערן אינטערעס און געשמאַק. דער פּאַרטיי־לאָקאַל און דאָס בית־המדרש, דער פּראָ־פעסיאָנעלער פאַראיין און דאָס שטיבל, די עסקנים, טיפּן און געשטאַלטן — טויכן ווידער אויף אין זכרון, רופן אַרויס אַמאָל אַ שמייכל... נאָר אָט נעמט גלאַנצן אַ טרער אין אויג. אוי וויי! זענען דאָך די אַלע פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן, אומגעקומען מיט אַזוי פיל מיתה־משונהס. פאַר וועלכע חטאים? פאַר וואָס? פאַר ווען?

אויף דער דאָזיקער פראַגע ענטפערן נישט ביידע יזכור־ביכער. זיי דערציילן בלויז, גיבן איבער פאַקטן און געשעענישן, טרוקענע כראָניק, נאָר אָנגעזאַפּט מיט אַ ים טרערן, בלוט, שווייס. אַ „מאָנטאַזש" פון הונדערטער יאָרן געשיכטע פון די שטעטלעך ביז זייער אומקום, אָן פּרעטענסיעס אויף שיינער ליטעראַטור, אָן דער אַמביציע צו קאָנקורירן מיטן היסטאָרי־קער און אָן פּירושים.

128 אַרבעטן פון עטלעכע צענדליק נאָווי־דוואָרער יידן, וועלכע זענען בעל־כורחו פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין שרייבער און היסטאָריקער, שילדערן די 600 יאָר פון זייער שטאָט. (לויט פּראָפ׳ סטאַניסלאַוו מאַזירא, איז נאָווי־דוואָר דערקלערט געוואָרן דעם 24.6.1374 אַלס שטאָט, לויטן דייטשן רעכט). אין ספר זענען אויך פאַרטרעטן מיט אַרבעטן אַזעלכע נעמען, ווי: ד"ר עמנואל רינגעלבלום, יצחק גרינבוים, הערשל הימעלפאַרב (אַליין אַ נאָווי־דוואָרער), מנשה אונגער, ח. שאָשקעס, נח פּרילוצקי, מלך ניישטאַט, עמנואל נאָוואָגראָדסקי, י. ש. הערץ און אַנדערע.

פּ. דב (אוודאי דב בעריש פירסט, מיטרעדאַקטאָר פון פּנקס) דערציילט אין זיין אַרבעט „די באַזוכן פון שרייבער און רעדנער", אַז „די נאָווי־דוואָרער יידן זענען געווען גוטע צוהערער. קיין ,פּוסטע זאַלן׳ זענען אין נאָווי־דוואָר נישט געווען". דערביי ציטירט ער אַ פראַגמענט פון נחמן מייזילס בוך „געווען אַמאָל אַ לעבן":

„אַן אַנדערש מאָל קום איך קיין נאָווי־דוואָר צו רעדן אין דער אָרטיקער ביבליאָטעק — באַגעגנט מען מיך ביי דער באַן. לאָזן מיר זיך צופוס אין שטעטל; וויל איך גערן אַריין אין רעסטאָראַנדל, כאַפּן אַ גלעזל טיי און פאַר־בייסן. אָבער די יוגנעליט פון דער ביבליאָטעק פאַרלאַנגען פון מיר, איך זאָל מיט זיי דורכגיין אַ פּאָר מאָל איבער די הויפּט־גאַסן, כדי מען זאָל זען, אַז דער רעפערענט איז טאַקע דאָ, אַז ער איז געקומען צו פאָרן, ווייל מען האָט שוין לעצטנס זיי אָפּגענאַרט, נישט געקומען, האָט מען פאַרלאָרן דעם צוטרוי... האָב

איך געמוזט גיין איבער די גאַסן, אָבער אָן אַ פויק, ווי אַ צירק האָט זיך אַמאָל נוהג געווען צו מודיע זיין דעם עולם וועגן זיין קומען..."

ווייטער טיילן זיך מיט זכרונות וועגן נאָווי־דוואָר דער וויצע־פּאָרזיצער פון כנסת ד"ר נחום ניר, די שרייבער יצחק באַשעוויס און עס ווערט אויך דערציילט וועגן די באַזוכן פון ה. ד. נאָמבערג, ש. י. סטופּניצקי און אַנד.

☆

דער חורבן־אָפּטייל פון פּנקס נאָווי־דוואָר הייבט זיך אָן מיט אַ ליד פון דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן און דריי גבֿית־עדות פון היסטאָריקער־קדוש ד"ר ע. רינגעלבלום. לייבל קאַכאַלסקי שרייבט וועגן די יודענראַטלער און יידישע פּאָליציאַנטן — אַז די פויסטן ביילן זיך ביים לייענען די טרויעריקע פאַקטן. און נאָך אַ קנאַפּע דריי צענדליק אַרבעטן פון דער שארית־הפליטה — וועגן געטאָס, לאַגערן, אַרישער זייט, בונקערס, פּיין און יסורים, פאַר־לאָרענע קינדהייט. אַ גרויל און שוידער נעמט דיך אַדורך ביים פּאַרטיפן זיך אין דעם סאָרט לעקטור...

אין ספר פילט זיך די געניטע רעדאַקטאָרישע פּעדער פון דיכטער אריה שמרי. דער יידיש איז נישט צופיל „פּאַרליטעראַרישט", נאָר טריי דעם תוכן און שפּראַך, ווי די פשוטע יידן האָבן געשריבן. כ'האָב נאָר זיך געוווּנדערט, הלמאי מען האָט דעם ספר איבערגעלאָדן מיט אַזוי פיל לידער, וועלכע האָבן נישט קיין דירעקטן שייכות צו נאָווי דוואָר (ווי דאָס ליד פון יעקב גלאַטשטיין און אַנדערע). בנוגע די לאָקאַלע פּאָעטן, איז געווּנטשענער זיי זאָלן אין געוויינלעכער פּראָזע דערציילן וועגן שטעטל, איידער זיך באַנוצן מיט אומבאַהאָלפענע גראַמען.

און נאָך עפּעס וואָס האָט מיך דערשטוינט: דאָס נאָווי־דוואָרער בוך איז כמעט על טהרת היידיש. אויסער דער הקדמה און אייניקע געציילטע, קליינע אַרבעטן (ממש אָפּצוציילן אויף די פינגער פון איין האַנט!) אין עברית — איז נישטאָ מער קיין זכר פון דער אָפּיציעלער שפּראַך פון מדינת ישראל, וווּ דאָס בוך איז דערשינען. פאַרוואָס אַזאַ קמצנות? בודזשעט־פּראָגן צי „שפּראַכן־אידעאָלאָגיע"? נישט אין דער קריוודע פון עברית וויל איך זיך אָננעמען, נאָר קינדער צי אייניקלעך פון נאָווידוואָרער וועלן אַמאָל כאַפּן אַ בליק אין ספר — און די בלויזע הקדמה אין עברית וועט זיי קיין בילד פון שטעטל פון זייערע אבות נישט געבן. נאָך מער: אַפילו די אונטערשריפטן אונטער די בילדער זענען נאָר אין יידיש (אַזוי אויך אין אָלשאַנער בוך), בעת כאָטש דאָ פאָדערט זיך אויפקלערונגען איןביידע שפּראַכן.

☆

דאָקעגן האָבן די רעדאַקטאָרן פון „לעבן און אומקום פון אָלשאַן" „אַדורכגעפירט אַ גט" צווישן יידיש און העברעיש און אויסגעטיילט אַ באַזונדערן חלק אין עברית צום סוף פון בוך. פאַרשטיי איך נישט, הלמאי מען לאָזט נישט וווינען ביידע שפּראַכן אונטער איין דאַך, צוזאַמען, נאָר מען צווינגט זיי אויף סעפּעראַציע... אָבער די קריטישע באַמערקונג, פונקט ווי דער בפירושער פּעלער פון אַרויסשטעלן אין אָנהייב, אויף דער סאַמע מזרח־וואַנט פון ספר, דאָס בילד פון בוך־קאָמיטעט אויף אַ קבלת־פּנים פאַר לאַנדסלייט־געסט פון אַמעריקע, פאַרמינערט נישט אויף אַ האָר די ווערט און באַדייטונג פונעם אָלשאַנער ספר־מאָנומענט:

„וווּנדן וואָס זענען נישט פאַרוואַקסן, בענקענישן וואָס האָבן נישט אויפ־געהערט, געשטאַלטן פון טייערע נפשות — טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער, פרויען און קינדער, וואָס באַגלייטן ווי שאָטנס ביי טאָג און דערשיינען אין חלומות ביינאַכט. דאָס בילד פון אַ ברידערלעכער יידישער געזעלשאַפט וואָס איז אויסגעמעקט געוואָרן דורך די נאַצי־מערדער — אָט דאָס אַלעס האָט געטריבן דעם ביסל איבערגעבליבענע און צעשפּרייטע, אויפצושטעלן דעם שטעטעלע אָלשאַן אַ מצבה אין אַ בוך".

מיט די דאָזיקע רירנדיקע ווערטער הייבט זיך אָן די הקדמה — און זיי זענען אָנגעמאָסטן פאַר אַלע אָן אויסנאַם יזכור־ביכער, דערשינענע ביז איצט און די וואָס דאַרפן נאָך דערשיינען. אָלשאַן האָט זיך אָבער איר יחוס און יחוד. אַ ישוב וואָס האָט עקזיסטירט פון 15טן יאָרהונדערט, בשכנות מיט דער יידישער אָשמיאַנע.

ווי שיין באַשרייבט אונדזער גוט־באַקאַנטער ב. צ. גאָלדבערג זיינע זכרונות פון שטעטל, ווו ער פלעגט פאַרברענגען אַלס צען־יאָריק יינגל.

☆

דער טייל פון ספר געווידמעט דעם חורבן, גערעאַנגל און ווידערשטאַנד, דערציילט אָבער פון אַזאַ עוקר מן השורש זיין די אין שטעטל איינגעוואָרצלטע יידן, אַז וויפל מען זאָל נישט האָבן געלייענט די חורבן־ליטעראַטור און יזכור־ביכער, אַנטפּלעקן זיך אַלץ נייע און מער אכזריותדיקע פאַקטן פון די דייטשן און זייערע העלפערס פון אַנדערע פעלקער ביים אויסראָטן די יידישע באַפעלקערונג. אָט האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט, טאָקע אין אָלשאַנער ספר, ווי אַזוי די דייטשע רוצחים האָבן אין 1941 איינגעשפּאַנט אַ שטעטל יידן צו שלעפּן צוויי סאָוויעטישע טאַנקן אויף אַ מרחק פון 12 קילאָמעטער — און די פּאָליאַקן, ווייסרוסן און ליטווינער האָבן מיט סאַדיזם און הנאה זיך צוגעקוקט צו דעם ספּעקטאַקל. אָדער ווי מען האָט מיט 2 יאָר שפּעטער אַריינגעטריבן אין אַ שאַפּע עטלעכע הונדערט אָשמיאַנער יידן און גראָד דער רב האָט גערופן צו ווידערשטאַנד, פאַרגעלייגט צו צענעמען דאָרט די אויוונס און מיט די שטיינער און ציגל אויסזעצן די טירן און אַנטלויפן. די פּחדנות פון אַ יודענראַטלער האָט צונישט געמאַכט דעם רבס אַפּעל צו פאַרטיידיקן זיך.

בכלל האָט אָלשאַן צו דערציילן וועגן העלדישן ווידערשטאַנד, פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, כסדרדיקע מלחמה מיטן דייטש. מינסק, קאָוונע, סמאָרגאָן, פיל אַרבעטס־לאַגערן און טויט־פאַבריקן אין יענער געגנט האָבן געהאַט ביי זיך יידן פון אָלשאַן, ווו זיי זענען אומגעקומען ביי די שרעקלעכסטע עינויים.

ווי דער שטייגער אין אַזעלכע ספרים, איז אויך נישט באַוועלהט געוואָרן די שעפערישע אָלשאַן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, אירע טיפּן, געשטאַלטן און העוסקים בצרכי־ציבור.

☆

ווי זאָגט זיך אין פרקי אבות: הפנקס פתוח והיד כותבת וכל מעשיך בספר נכתבים... דער נאָך־אַלץ אָפענער פנקס פון אונדזער ווינד־און־ווויי נאָכן פאַרשניטענעם פוילישן יידנטום, לאָזט נישט אַרויס די פעדער פון האַנט. מען הערט נישט אויף שרייבן וועגן לעבן און אומקום פון שטעטל. מיר שיינט, אַז מיט דער מעמואַריסטיק פון דער חורבן־ליטעראַטור און מיט די יזכור־ביכער, זענען מיר שוין אַוודאי דערגאַנגען צו אַ 500 פאָזיציעס. אָן אויסטערלישער און אייגנאַר־טיקער ליטעראַטור־זשאַנער האָט זיך ביי אונדז אַנטוויקלט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, פונקט ווי אויסטערליש עס איז געווען דער גורל פון אונדזער פאָלק אין דער אָקופּירטער אייראָפּע... (י״ש ת״א, 25.8.65)

## דער 75־יאָריקער תלמיד־חכם

„זאָל מען אויף אונדז (אַלטע) נישט רחמנות האָבן. הלוואי זאָלן מיר נישט דאַרפן רחמנות האָבן אויפן יינגן דור" — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט פאַרענדיקט זיין ענטפער די באַגרי־סערס, אויף דער מסיבה לכבוד זיין אַלט ווערן 75 יאָר, דניאל לייבל (אלכסנדר) — דער שפּראַכן־קענער, שרייבער, דיכטער, רעדאַקטאָר און זשורנאַליסט, דער ווירטואָז פון ביידע לשונות, יידיש און עברית.

זיצט זיך דער דאָזיקער תלמיד־חכם אין ירושלים ביים שרייבטיש, און די בכבודיקע עלטער, דריי פערטל פון אַ יאָרהונדערט, שטערט אים נישט ממשיך צו זיין אין דער פּאַר־שערישער אַרבעט איבערן תנ״ך, אין שאַפן נייע ווערטער אין עברית פאַר דער אַקאַדעמיע פון דער העברעישער שפּראַך און ווייטער פּאַלירן און פאַרבעסערן דאָס יידישע לשון.

ערשט איצט איז זיין עבודת הקודש אין דער הויפּטשטאָט פון דער יידישער מדינה שטיל־שלווהדיק. אָבער זיין קינדהייט, יוגנט און רייפקייט אין פּוילן, דייטשלאַנד און ארץ־ישראל, איז געווען אַ גענוג שטורמישע און אינהאַלטרייכע.

אלכסנדר איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1891 אין דעמביץ, מערב־גאַליציע. פון טאַטן האָט ער געירשנט „דאָס יידישע צינגל״, ווי אויך אַ ביסל אַפּיקורסות און אינטערעס צום בוך. דאַקעגן האָט דער פעטער, מיט זיין רעדן לשון־קודש, דערוועקט ביי דניאלן ליבע צו העברעיש. אַזוי־אַרום האָבן ביידע שפּראַכן באַקומען אַ וואַרעמע אכסניה אין הארץ און מוח פון יונגן בחור, וואָס האָט, ווי דער רוב פון זיין דור, טאַקע געלערנט אין בית־המדרש, אָבער נישט געוואָלט אָננעמען דעם דרך פון דער היים און סביבה. דערפאַר זעען מיר אים שפּעטער אַלס סטודענט אין ווין און אין בערלין.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז דניאל לייבל מיטרעדאַקטאָר פון דער ווארשעווער „אַרבע־טער־צייטונג״, צענטראַל־אָרגאַן פון לינקע פּועלי־ציון אין פּוילן. דאָרט האָט זיין פעדער געשליפן יעדן זאַץ, יעדעס וואָרט און „געמאַכט פאַר אַ לייט״ יעדן אַרטיקל. וועגן דניאל לייבלען איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אַ וויץ, אַז אין אַ מאמר וועלכן ער רעדאַגירט, לאָזט ער טיילמאָל איבער בלויז... דעם נאָמען פון מחבר. מיט 25 יאָר שפּעטער, ביים רעדאַקציע־טיש פון דער תל־אביבער „נייוועלט״, איז נישט איין מאָל מיר אויסגעקומען צו זען, ווי אלכסנדר האָט אייגנהענטיק איבערגעשריבן אין גאַנצן אַ סך אַרטיקלען, כמעט אַלץ איז געענדערט געוואָרן, אויסער, פאַרשטייט זיך, דער נאָמען פון מחבר...

אין יאָר 1922 דערשיינט זיין זאַמלונג לידער „אין גרינעם לאַמפּן־שיין״. מער קיין דיכטונג האָט ער שוין נישט אַרויסגעגעבן, אָבער דערמיט האָט ער נישט אויפגעהערט צו זיין דיכטער. ווייל זיין שפּעטערדיקע פּראָזע — די הונדערטער און הונדערטער אַרטיקלען איבער אַקטועלע געשעענישן; עסייען, רעצענזיעס איבער ביכער, קולטור־פּראָבלעמען, היסטאָ־ריאָזאָפישע און פילאָלאָגישע אָפּהאַנדלונגען, תנ״ך־פאָרשונגען — זענען פון שטאַנדפּונקט פון שפּראַך, סטיל, אינהאַלט און קאָנצעפּציע, תמיד געווען לויטערע פּאָעזיע.

אויף יידיש האָט ער איבערזעצט פּוילישע (סלאָוואַצקי, וויספּיאַנסקי), דייטשע און העברעישע דיכטער. ווען נייטיק, רעדאַגירט אויך לידער, וועלכע מ׳האָט אים געבראַנגט צום אָפּדרוקן. סענסיטיווע פּאָעטן, וואָס זענען גרייט קעמפן עד חורמה פאַר יעדער געענדערט וואָרט, האָבן דניאל לייבלען נישט נאָר מוחל געווען זיין רעדאַקציע, נאָר אַפילו אים באַ־דאַנקט...

דער יובילאַר האָט אַמאָל דערקלערט, אַז „דאָס וואָרט לאָזט מיך נישט אָפּ. ווייל וואָרט איז נישט נאָר קלאַנג — נאָר אויך גייסט, נשמה. עס איז שטענדיק אין מיר געווען אַקטיוו, טעטיק״. אין משך פון די 4 יאָר (1949—1953) בשותפותדיקע אַרבעט אין רעדאַקציע „ביי־וועט״, האָב איך פון דער נאָענט געזען און באַוווּנדערט ווי דניאל האָט געקעמפּט איבער יעדער וואָרט, געשלאָגן זיך מיט דער דעה, צי איז ריכטיק אַ געוויסער אויסדרוק. „שפּראַך איז קודם כל — מוזיק. נישט נאָר לייענען דאַרף מען זי, נאָר אויך — הערן!״ דעריבער פלעגט ער אָפט פאַרריכטן אַ וואָרט נישט גראַד ווי דער אויסלייג האָט געפאָדערט, נאָר — לויטן קלאַנג.

מיט אויסערגעוויינלעכער פלינקייט און געניטקייט האָט ער אין משך פון צענדליקער יאָרן רעדאַגירט מאמרים אין עברית אין דער טעגלעכער טאָג־צייטונג פון דער הסתדרות — „דבר״, צי אין יידיש („נייוועלט״ און אַנדערע אויסגאַבן פון דער פּאַרטיי). דער זאַץ איז פונדאַסניי

געבוירן געוואָרן, געלייענט זיך לייכטער און געוואָרן גרינגער צום פאַרשטיין. מיט איין וואָרט — אַ מעטאַמאָרפאָזע פון לשון, סטיל און אָפּטמאָל — אויך פון תוכן.

דער דאָזיקער ייִד, געבוירן צו זיין אַ קאַבינעט־פאָרשער און לויטערער וויסנשאַפטלער, האָט פון דער פריסטער יוגנט זיינער זיך פאַרבונדן מיט פועלי־ציון. אויסער דעם באַגאַזש פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג, האָט ער זיך נאָך באַלאָדנט מיט אַזאַ פּעקל ווי יידישע און אַלגעמיינע קולטור־און ליטעראַטור־פּראָבלעמען. זיין אַ פּועלי־ציוניסט האָט געמיינט צו זיין אויך אַ קולטור־טוער, אַ לייענער פון אַ גוטן בוך. דער אינטעלעקטואַל דניאל לייבל איז אויך אַ פּשוטער פאַרטיי־קעמפער. ער האָט נישט נאָר געשריבן, רעדאַגירט און סטיליזירט אַלע רעזאָלוציעס, פּראָגראַמען און אויפרופן פון דער פאַרטיי אין פוילן און אין ארץ־ישראל — נאָר אויך זיי פאַרטיילט. זיין דיסציפּלין אין שפּראַכן, פּאָעזיע און ליטע־ראַטור בכלל, האָט אויף אַ האָר נישט פאַרמינערט זיין פאַרטיי־דיסציפּלין.

אין דעם דאָזיקן גאַנג זיינעם האָבן אַ סך געוואָלט פאַרגלייכן אַלכסנדערן צו בער באָראָ־כאָוו. איך האָב פּשוט מורא צו באַשטעטיקן די דאָזיקע טעזע, נישט דערפאַר ווייל זי זעט מיר אויס צו זיין נישט ריכטיק, נאָר... אויס פּחד פאַרן יובילאַר. ער איז מוראדיק באַשיידן, אַן עניוו אין פולן זין פון וואָרט. איך דערמאָן זיך, ווי מיט 15 יאָר צוריק, האָט זיינער אַ לאַנדסמאַן און פאַרערער, י. וויינרעב ז״ל, געבערענגט אין „ניייוועלט״ אַן אַרטיקל צום 60־טן געבוירנטאָג פון דניאלן. איך דערלאַנג אים דעם מאמר און פרעג צי מען מעג אים געבן אויסזעצן. דניאל ענטפערט גאָרנישט — נאָר צערייסט דאָס אַרטיקל... (אדרבה, וועלכער רעדאַקטאָר וואָלט אין „זיין״ צייטונג געפּסלט וועגן זיך אַן אַרטיקל מיט שבחים ?)...

ער האָט געהערט צו דעם סאָרט פאַרטייאישע און גייסטיקע מנהיגים, וואָס לײדן נויט, האָבן אויסצושטיין צרות — בעת די כיבודים און אויבנאָנס ווערן געגעבן (און אַליין זיך גענומען) צו אַנדערע.

אין זיין בוך „יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד״, שילדערנדיק די ערשטע תקופה פון נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען די נייע סאָוויעטישע מאַכט האָט דערמעגלעכט די יידן אַנצוגיין מיט זייער קולטור און ליטעראַטור אויף יידיש און העברעיש, שרייבט ב. צ. גאָלדבערג (ז׳ 245) : „די צוויי יידישע לשונות און ליטעראַטורן זענען געווען ווי צוויי פליגל פון אַן אָדלער וואָס טראָגט זיך אין די הייכן, צו דער אויפגייענדיקער זון״. די דאָזיקע טרעפלעכע באַצייכע־נונג איז ווי אָפּגעמאָסטן פאַרן איצטיקן יובילאַר „מיט די צוויי פליגל״. דער „פאַרברענטער יידישיסט״ האָט דאָך אַזוי ליב העברעיש און זיין גרינטלעך קענען און פאָרשן עברית האָט אויף אַ האָר נישט פאַרמינערט זיין אהבת יידיש. קיין בעסערע פאַרקערפּערונג און באַשטע־טיקונג פאַר דער אמתער קאָ־עקזיסטענץ פון ביידע שפּראַכן, ווי עס איז אלכסנדר — קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין.

יענעם „אָדלער״ פון נאָכן אָקטאָבער האָט מען אָרונטערגעהאַקט די פליגל, בעת אונדזער בעל־יובל, נישט געקוקט אויף דעם פיינעם עלטער, רייסט זיך נאָך אין די הייכן פון ביידע לשונות, שרייבט, באַאַרבעט, פאַרבעסערט און איז באַזאָרגט : „הלוואי זאָלן מיר נישט דאַרפן רחמנות האָבן אויפן יינגן דור״.

אונדזער ווונטש : נאָך אַ סך אַ סך יאָרן פון גייסטיקער יצירה דעם ירושלימער תלמיד־חכם — דניאל לייבל.

(י״ש ת״א, 28.12.66)

# ביים פנקס פון די זעקס מיליאָן

(צום דערשיינען פון משה שולשטיינס „ביים פנקס פון לובלין — דראַמאַטישער חזיון אין אַ קופּע אַש. הילע און צייכענונג פון א. קאָלניק. פּאַריז, 1967 — תשכ"ז. 60 ז"ז אַלבום־פאָרמאַט. דערשינען מיט דער הילף פון שמואל און גאָלדע שפּירא, צום אָנדענק פון זייערע עלטערן).

זעלטן ווען אַ שטאָט זאָל האָבן זוכה געווען צו אַזאַ רייכער ליטעראַטור, ווי די יידישע לובלין. בסך־הכל 45 טויזנט יידן האָבן דאָרט געוווינט ביז סעפּטעמבער 1939, עפּעס מער ווי אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער. אָבער ביכער וועגן דער שטאָט, באַזונדערס וועגן איר יידישן חלק, זענען דערשינען זייער אַ סך. בלויז אין די לעצטע צוויי יאָר האָבן פיר ספרים — צוויי אין עברית, צוויי אין יידיש — דערזען די ליכטיקע שיין אין תל־אביב, ניו־יאָרק און פּאַריז: בעלא מאַנדעלסבערג־שילדקרויט — מחקרים לתולדות יהודי לובלין; נחמן בלומנטאל — יודגראַט ללא דרך (תעודות מגיטו לובלין); יעקב גלאַטשטיין — אַ ייד פון לובלין; משה שולשטיין — ביים פנקס פון לובלין.

אויסער דעם בוך פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט ז"ל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער געשיכטע פון אַמאָליקן יידישן ישוב אין דער דאָזיקער שטאָט, זענען די אַנדערע דריי ספרים געווידמעט אין גאַנצן דער חורבן־טעמאַטיק, דעם אונטערגאַנג פון אַן איינגעוואָרצלטער יידישער קהילה.

„ביים פנקס פון לובלין" איז דאָס צוועלפטע בוך פון באַקאַנטן און אָנערקענטן דיכטער, פּראָזאיקער און פּובליציסט משה שולשטיין, וועלכער קלאָגט נאָך אַלץ חורבן אויפן אומקום פון זיין שטאָט. אים זענען אוודאי באַקאַנט די שורות פון ח. נ. ביאַליקס „אין שחיטה־שטאָט":

איצט גיי אַרויס פון שטאָט, ווען קיינער זעט נישט,<br>
און שלייך זיך שטיל, פּאַמעלעך צום בית־עלמין.<br>
און שטיי, און קוק, און לאָז אַראָפּ די ברעמען —<br>
און ווער פאַרשטיינערט!

דער מחבר פון „ברויט און בליי" (לובלין, 1934), „אויפן אַש פון מיין היים" (פּאַריז, 1945), „אַ בוים צווישן חורבות" (פּאַריז, 1947), „בלומען פון באַדויער" (פּאַריז, 1959) — איז נישט געווען מסוגל צו בלייבן פאַרשטיינערט אין אָנבליק פון די קדושימס קברים. זיין „כ'האָב געזען אַ באַרג שיך", אינעם טויטן־לאַגער מיידאַנעק, איינער פון די מאַסן־קברים פון לובלינער יידנטום — וואָס ווערט רעציטירט כמעט אויף אַלע געטאָ־אַקאַדעמיעס און יזכור־פייערונגען, באַגלייך מיטן געזאַנג פון געבירטיקס „עס ברענט" — האָט באַוויזן, ווי טיף איבערגענומען און דערשיטערט עס איז דער דיכטער מיט אונדזער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, ווי אים ווילט זיך שרייען, וויינען, פּראָטעסטירן, טרויערן, מאָנען און וועקן, נישט לאָזן פאַרגעסן אין דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט זיין פאָלק.

פון יענעם „באַרג שיך", אָנגעשריבן מיט העכער 20 יאָר צוריק, האָט משה שולשטיין נישט אויפגעהערט שילדערן די דייטשע אוישוויץ־קולטור, זייער מיידאַנעק־טעכניק און די סאַדיבור־ציוויליזאַציע, וועלכע איז צוגעטראַכט און אָנגעווענדעט געוואָרן אויף אומצובערענגען דאָס אייראָפּעישע יידנטום — ביז אַלץ איז געגאַנגען צו גרונט, ס'האָט אַ סוף גענומען צום דריי־און־אַ־האַלבן מיליאָניקן יידישן ישוב אין פּוילן. יענע מאַקאַברישע בילדער מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, לאָזן קיינעמען נישט אָפּ, די געשפּענסטער פון אומקום האַלטן פעסט די שארית־הפּליטה פון מיידאַנעק און אוישוויץ, פּונקט ווי זיי לאָזן נישט רואיק דורכשלאָפן די נאַכט אַפילו די וואָס זענען אין טרעבלינקע נישט געווען... דער טויט פון די קדושים האָט זיך איינגעוועבט און איינגעפלאָכטן אין אונדזער געמיט — און אַזאַ סענסיטיווער דיכטער ווי משה שולשטיין, האָט, אַ סברה, נאָך נישט „אָנגעזעטיקט זיך" פּאָעטיש מיט דער חורבן־טעמאַטיק.

והראיה — זיין „ביים פנקס פון לובלין" — נאָך אַ ציגל אין דעם בנין פון די מאָדערנע קינות און איינע פון די רייפסטע, קראַפטיקסטע און איבערצייגנדיקסטע שילדערונגען פון יענער תקופה.

דער פּאָעטישער זשאַנער וועלכן שולשטיין האָט אָנגעווענדעט אינעם „פנקס" — איז נישט קיין נייער אין דער דיכטונג. דער „דראַמאַטישער חזיון אין אַ קופּע אַש" איז געבויט אויפן דיאַלאָג צווישן די בעלי־פּנקס און די געשטאַלטן פון אַמאָל, מיטן אַנטייל פון די קינדער פון מאָרגן. אין אָנהייב פאַרבעט דער דיכטער די אבות־אבותינו צו באַזוכן די חרובע שטאָט — און זיי שטעלן זיך צו: דער „אייזערנער קאָפּ", דער לעגענדאַרער, איינטאָגיקער מלך שאול וואל, דער מרהש"ל, דער מהר"ם — אַלץ היסטאָרישע געשטאַלטן פון לובלינער יידנטום. זיי קוקן זיך אַרום און פרעגן דערשטוינטע:

וואָס טוט זיך? די יידן־שטאָט איז גאָר אָן יידן?
קיין ניגון פון תורה, קיין רעש פון יאַרידן;
מען הערט נישט קיין קלאַנג מער פון יידישע מיילער,
די ווינט־מאַכער, טומלער, די לויפער און איילער.
מען הערט נישט קיין קולות, זאָל זיין כאָטשבי קללות —
צי זענען שוין אויסגעלייזט אַלע פון גלות?
קיין קידוש, קיין קדיש, קיין תפילה, קיין ברכה,
קיין קלאַפּ און קיין טראַסקעניש פון בעל־מלאכה.
קיין הילך פונעם שמיד און קיין קלונג פונעם בלעכער.
מען זעט נישט קיין רויך מער אויף יידישע דעכער...

און די בעלי־פּנקס ענטפערן־דערציילן:

ויהי — און געווען... בימי — אין די טעג...
אַראָפּגעלאָזט האָט צו דער נעסט דער שפּאַרבער —

שורה נאָך שורה, מיטן אָפּהיטן און אָנווענדן אַלע פּאָעטישע כללים פון אַ גאָר הויכער קוואַליטעט, דערציילן, ווי אַזוי דער נאַצישער שפּאַרבער האָט צעשטערט די יידישע נעסט אין לובלין, ווי אַזוי די טויט־צוגן האָבן געפירט די קרבנות צום אָרט פון אומקום:

אונטער די רעדער
אַלץ ווערט פאַרדייט,
אַלץ ווערט צעריבן,
אַלץ אויסגעמישט דאָ.
אַלץ וואָס געבליבן,
אַלץ וואָס דאַרף בלייבן —
רעדער צערייבן,
מאָלן־צעמאָלן
אַלע אַמאָלן:
נחתן, צערן,
שרעק פאַר סכנות,
סקריפּ פונעם סופרס
גענדזענע פעדער,
צניעות, מציאות,
ריינער נאמנות,
בלענד פונעם זויבערן
פאַרכטיקן טישטעך...

✡

די וויזיע פונעם אומקום פון לובלינער יידן באַציט זיך נישט בלויז צו דעם דאָזיקן ישוב, ווו ס'איז מיט אַמאָל אָפּגעמעקט געוואָרן 700 יאָר יידישע געשיכטע — נאָר צו דער טויזנט־יעריקער יידישער היסטאָריע אויף פּוילישער ערד בכלל. און זעלטן ווען האָט אַזאַ קליין ביכל געשילדערט אַזוי עקספּרעסיוו אַזאַ גרויסע און שוידערלעכע טראַגעדיע. „ביים פּנקס פון לובלין" האָט פּונקט אַזוי געקענט הייסן „ביים פּנקס פון די זעקס מיליאָן", ווייל דער גורל פון די קדושים איז דאָך אומעטום געווען דער זעלבער, זייער מאַרטירער־וועג און גהינום ביים לעבן — אידענטישע. און צוגעטראַכט איז דאָס אַלץ געוואָרן דורך די זעלבע רוצחים מיט דאָקטערישע טיטולן, אַקאַדעמישע דיפּלאָמען און הויכשול־בילדונג.

„ביים פּנקס פון לובלין" וועט אומבאַדינגט באַלאַנגען צום „אייזערנעם פאָנד" פון דער יידישער פּאָעזיע־קינות, ווי עס איז יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק", יעקב גלאַטשטיינס „דער ייד פון לובלין", ה. לייוויקס „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", א. סוצקעווערס „די לערערקע מירע" און אַנדערע.

☆

אויף דער פייערונג אין פּאַריז, לכבוד דעם דערשיינען „ביים פּנקס פון לובלין", האָט מ. שולשטיין דערקלערט צווו. אַנד.: „די צוקונפט לייגט אַרויף אויף אונדז, יידישע שרייבער, יידישע שעפער — אַ חוב: נישט צו קומען מיט ליידיקע הענט פאַרן פּנים פון אונדזערע יורשים, די קומענדיקע דורות". דעם דאָזיקן חוב האָט דער דיכטער דערפילט. די הונדערטער לידער זיינע, דער טוץ ביכער וועלכע ר'האָט אַרויסגעגעבן און די פּובליציסטישע אַרטיקלען אין פּאַריזער „אַרבעטער־וואָרט", זענען לגמרי נישט קיין „ליידיקע הענט" פאַר אונדזערע יורשים. די פראַגע איז נאָר — ווי אַזוי וועט דער אַצטיקער דור אָנערקענען און באַדאַנקען דעם פּאָעט.

עס וואָלט דעריבער געווען אַ יושר — כלפּי משה שולשטיין, ווי כלפּי אונדזערע סאַברעס אין לאַנד — איבערצוזעצן אויף עברית „ביים פּנקס פון לובלין" און אין „יום השואה והגבורה", כ"ז בניסן, זאָל דער דאָזיקער „דראַמאַטישער חזיון אין „אַ קופּע אַש" פאַרגעשטעלט ווערן אין אַלע שולן אין לאַנד.

(י"ש ת"א, 10.1.68)

# דער ניגון איז געבליבן

## (צום דערשיינען פון יהושע שפּיגעלס בוך „זכרון זמר" — זמירות מנגינות רוהאַטין)

ס'איז אַ בפירושע אויסטראַכטעניש, אַז יידן האָבן (אָדער ווילן) פאַרגעסן זייער פאַר־גאַנגענהייט, דאָס שטעטל, די היים, טאַטע־מאַמע, די משפּחה; אַז מיר האָבן אַרויסגעלאָזט פון זכרון יענע פינצטערע תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען מיטן רויך פון שריפות זענען פאַרברענט געוואָרן גאַנצע יידישע ישובים אין פּוילן און מיטן רויך פון די קרעמאַ־טאָריעס זענען אַוועק אין דער אייביקייט מיליאָנען יידן. גענוג בלויז צו באַקענען זיך מיט דער לאַנגער רשימה פון די ביז איצט דערשינענע יזכור־ביכער און מעמואַרן־ליטעראַטור פון יחידים, כדי זיך איבערצייגן, ווי אונדז גייט אין לעבן אויפצוהיטן אַ געדעכעניש נאָך דעם אַלעמען וואָס איז געווען, כדי דאָס יאָרצייט־ליכט פאַרוואַנדלען אין אַ נר תמיד נאָכן אויס־געהרגעטן יידישן פאָלק און די באַזונדערע משפּחות.

ערשט מיט 11 יאָר צוריק איז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און מי פונעם מחבר פון „זכרון זמר" דערשינען אַ וואָגיק אָנדענק־בוך אין עברית, יידיש (380 ז"ז) און ענגליש (62 ז"ז)

„קהילת רוהאַטין והסביבה", מיט צוואַנציק אַרבעטן פון אַ פּופּציק מחברים. אַ גאַנץ שטעטל אין מזרח־גאַליציע איז פאַראייביקט געוואָרן אויף אַ ווירדיקן אופן. יהושע שפּיגעל האָט אָבער געהאַלטן — און מיט רעכט — אַז זיין פאָטער, הרב אברהם דוד שפּיגעל, דער לעצטער רב אין ראָהאַטין, דער בעל מנגן, ווי אויך זיינע חזנישע קאָמפּאָזיציעס און די סטרעטינער און ראָהאַטינער ניגונים, האָבן זיך פאַרדינט אַ באַזונדערע פאַראייביקונג: אַז סיי דער טאַטע, די קהילה זיינע און די חסידישע און פאָלקס־ניגונים דאַרפן באַקומען אַ באַזונדערן תיקון. און די דאָזיקע דריי־פאַכיקע פאַראייביקונג איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אויפן סאַמע בכבודיקסטן אופן אינעם ספר „זכרון זמר".

אָט ליגט פאַר מיר אַ ביכל פון 116 זייטן, נאָר 68 פון זיי באַשטייען פון בלויזע... נאָטן. אַן איינפאַל פון אַ ייד צו זיצן טעג און נעכט פאַרן טייפּ און דאָרט אַריינזינגען די מעלאָדיעס, ניגונים און פאָלקס־מאָטיוון מיט וועלכע מ'איז געוואָרן אָנגעזאַפּט אינעם שטעטל און אין דער היים, אין בית־המדרש און אין שטיבל. דערנאָך איז געקומען דער מוזיקאָלאָג מרדכי שחר און דעם דאָזיקן געזאַנג אָנגעטאָן אַ מוזיקאַלישן לבוש — און דער רעזולטאַט: 80 תפילות און זמירות פאַר יום־טוב, שבת און אינדערוואָכן, נוסח ראָהאַטין און סטרעטין, אין אַן עסטעטיש און פאַכמענעריש באַאַרבעטן ספר, אין וועלכן נישט נאָר חזנים און ליבהאָבער פון מוזיקאַליש־וואָקאַלישן פאָלקלאָר וועלן געפינען אינטערעס, נאָר אויך די שארית הפליטה פון יענעם גאַליצישן שטעטל און די אַלע וועמען עס זענען נאָענט צום האַרצן חזנישע מאָטיוון (אָדער ווי מ'האָט עס גערופן ביים פאָלק — „חזנישע שטיקלעך").

אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז יהושע שפּיגעל, דער מחבר פון „זכרון זמר" („אַן אָנדענק פון געזאַנג") אַרבעט אַלע זיינע יאָרן אַלס לינאָטיפּיסט (מאַשין־זעצער) אין אַ דרוקעריי. ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1938 און נאָך אויף די זאַמדן פון נתניה געהאָלפן אויפשטעלן דעם קיבוץ מצפה־ים, איצט — יד־מרדכי. אין ראָהאַטין האָט ער געהערט צו די גרינדערס פון „השומר הצעיר". אַ דאַנק זיין טיפער אַכטונג צום פאָטער דעם קדוש, זיין שטאַרקן סענטימענט צו דער אַלטער היים און אומגעהויערע ליבשאַפט צו די יידישע מעלאָדיעס, איז צוגעקומען נאָך אַ ספר, וועגן וועלכן מ'וועט זיכער זאָגן, אַז דער ניגון איז פאַרבליבן...

(י"ש ת"א, 7.11.73)

## יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון לובלין און... פון דאַנען

### (אין דריטן יאָרצייט נאָך זיין טויט)

ווי אַ בן־עיר פון דעם גרויסן נפטר, וויל איך באַהאַנדלען נאָר דעם „לובלינער אַספּעקט" פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער געשטאַלט, געבוירן און אויסגעוואַקסן אין דער עיר ואם בישראל, געלעבט און געאָטעמט מיט איר גייסט, הגם ער האָט פאַרלאָזט לובלין אין עלטער פון 18 יאָר און דערנאָך באַזוכט זי נאָר איין מאָל, אין יאָר 1934. דאָך האָט ער געגעבן דער דאָזיקער שטאָט איר ליטעראַרישן תיקון אין עטלעכע ביכער און אין באַזונדערע שאַפונגען.

יעקב גלאַטשטיין איז געבוירן געוואָרן אין לובלין דעם 21סטן אויגוסט 1896. צו 13 יאָר האָט אים דער פאָטער געפירט קיין וואַרשע, צו יצחק לייביש פּרץ. מיר ווייסן נישט קיין פּרטים ווי אַזוי דער מחבר פון „מאָניש" האָט אויפגענומען דעם לובלינער בר־מצוה בחור, דעם צוקונפטיקן ליטעראַרישן עילוי. צו 16 יאָר האָט גלאַטשטיין אָנגעהויבן לערנען אין דער רוסישער גימנאַזיע און גענומען שרייבן לידער אין רוסיש. נאָכן עמיגרירן קיין אַמעריקע אין יאָר 1914, שטודירט ער אויפן יורידישן פאַקולטעט פון ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט און פּרובירט שרייבן אין ענגליש. מעגלעך, אַז ווען פּוילן וואָלט געווען זעלבשטענדיק בעתן

לובלינער פעריאָד פון גלאַטשטיינען און ער וואָלט געלערנט אין אַ פּוילישער שול — ווער ווייסט, צי ער וואָלט נישט אויספּרובירט זיין פּאָעטישן כוח אויך אין דער שפּראַך. נאָך דער רענעסאַנס־תּקופה אין אייראָפּע איז דאָך לובלין באַצייכנט געוואָרן „די „פּוילישע פירענצע", ווייל אין יענער תּקופה איז די שטאָט געווען אַ וויכטיקער צענטער פון דער פּוילישער ליטעראַטור און קולטור. אָבער הגם ער האָט מיט אַ באַזונדערער לייכטקייט זיך צוגעאייגנט די רוסישע, פּוילישע און ענגלישע שפּראַכן, ווי אויך זייערע ליטעראַטורן — איז ער ביזן סוף פון זיין לעבן געבליבן דער יידיש־יידישער פּען־מענטש, טריי דעם מאַמע־לשון און דורכגענומען מיט אַ סך ליבשאַפט, סענטימענט און נאָסטאַלגיע צו דער געבוירן־שטאָט, צום לובלינער יידישן עבר און הווה. אייניקע ביכער זיינע האָט ער טעמאַטיש געבונדן מיט לובלין: „ווען יאש איז געפאָרן"; „ווען יאש איז געקומען". אין עלטער פון זיבעציק יאָר, גיט ער אַרויס אַ לידער־זאַמלונג „אַ ייד פון לובלין".

יידן־ליטוואַקעס, צי די פון די קרעסן, פלעגן בדרך־כּלל אויסלאַכן דעם לובלינער יידיש, ווייל ער האָט באַלאַנגט צו די דיאַלעקטן פון קאָנגרעס־פּוילן. אָבער נאָכן דערשיינען פון יעקב גלאַטשטיינס 23 ביכער (3 — פּראָזע, 13 — פּאָעזיע, 7 — עסייען און קריטיק), אויסער הונדערטער אַרטיקלען, וואָג איך פעסטצושטעלן, אַז אַ דאַנק אים, איז דער לובלינער יידיש געלייטערט געוואָרן, באַקומען אַ ליטעראַרישן לבוש, „שליף" און... „רעהאַביליטאַציע". האָבן דאָך זיינע קריטיקערס געשריבן, אַז גלאַטשטיין האָט אַנטפּלעקט געוואַלטיקע עשירות און פאַרבאָרגענע שיינקייטן אין אונדזער לשון. זיין ציקל לידער „יידיש־טייטשן", הגם רייך מיט לובלינער אויסשפּראַך און לאָקאַליזמען, מעגן זיין דער מורה־דרך פאַר יידישע דיכטערס און פּראָזאיקערס. ווי האָט געשריבן ש. ניגער וועגן יעקב גלאַטשטיין: „זיין וואָרט איז איצט פולער, פרייער, נאַטירלעכער; זיין יידיש — קוואַליקער, פרישער, אידיאָמאַטישער, יידישער".

ס'איז גוט באַקאַנט לייוויקס בוך לידער „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", אין וועלכן ער האָט מיט אויסערגעוויינלעכער קראַפט און געפיל אַרויסגעבערענגט די חורבן־תּקופה אין אייראָפּע, הגם ער אַליין, דער דיכטער, האָט אין יענער צייט זיך געפונען אין ניו־יאָרק. עפּעס ענלעכעס האָט געטראָפן מיט גלאַטשטיינען. אויך ער האָט אין די מלחמה־יאָרן געוווינט אין דער אַמעריקאַנער מעטראָפּאָליע, דאָך איז ער געוואָרן איינער פון די אויסדרוקפולע באַוויינער, שילדערער און באַזינגער פון אונדזער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפּע, וועלכע ער האָט, אגב, פאַרויסגעזען נאָך אין יאָר 1938, אינעם ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט". דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן קדושים האָט ער אויך געזען דורך אַ לובלינער פּריזמע: „לובלין — די עקדה פון אַלע אויסגעהרגעטע, פאַרברענטע יידן"... (אין לובלין, ווי באַוווסט, האָט זיך געפונען דער טויטן־לאַגער מיידאַנעק, ווו די דייטשע רוצחים האָבן אומגעבראַכט אַ צוויי מיליאָן יידן).

ס'איז אָבער נישט ריכטיק צוצושרייבן גלאַטשטיינען נאָר די וויזיע פון חורבן, אומקום, קידוש השם. דער רוב זיינע שאַפונגען האָבן געאָטעמט מיט בטחון, יידישן קיום און אָפּטימיזם, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער אַליין האָט זיך באַטראַכט ווי „אַ פונק פון מיליאָנען טויטן"...

יעקב גלאַטשטיין האָט געשאַפן אַ שול, אַ ריכטונג אין דער פּאָעזיע, וועלכע איז געווען דורכגעזאַפּט מיט יידישע און אוניווערסאַלע ווערטן. ער איז געווען איינער פון די העכסטע ליטעראַרישע אויטאָריטעטן. ווי בילדעריש און אמתדיק האָט משה שטאַרקמאַן כאַראַקטעריזירט גלאַטשטיינען: אַן אַנגעצונדענע מנורה, וואָס יעדער פלאַם פון רעדל האָט פאַרגעשטעלט דעם פּאָעט, בעלעטריסט, קריטיקער, עסייאיסט, פּובליציסט, מחבר פון קינדער־ביכלעך, רעדאַקטאָר און לעקטאָר. ער איז אויך געווען אַ זייל פון יידישן זשורנאַליזם. זיין רובריק „פּראָסט און פּשוט" אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ביים לייענער.

איך וואָלט גלאַטשטיינען אויך געקרוינט אַלס „סינטעטיקער" אין זיינע אַנשויונגען, מחשבות. געזעסן אין גלות און געוואַלטיק ליב געהאַט מדינת ישראל; געבוירן אין לובלין, אָפּגעלעבט אַ לעבן אין ניו־יאָרק, דאָך האָט דעם אויבנאַן פאַרנומען ביי אים — ירושלים,

די שטאָט וואָס האָט אין זיינע אויגן סימבאָליזירט יידישע געשיכטע, קעגנוואַרט און צוקונפט. ווי גערױטן דאָס קומט ביי אים אַרויס אינעם וווּנדערבאַרן ליד „פון וואַנען איז אַ ייד" (איך ברענג דאָ נאָר איין סטראָפע מיט אַ האַלבע):

דער מידער פקיד פון יידישן לאַנד
האַלט שוין דעם הונדערטסטן
פּאַס אין דער האַנט.
„שלום! פונוואַנען איז אַ ייד?"
פרעגט ער מיך מיט אַ גענעץ
ביים אַריבערגיין די יידישע גרענעץ.
„יעדער יידס פונוואַנען
איז פונדאַנען",
זאָג איך אים פשוט און ערלעך...

אָן שום ספק, אַז יעקב גלאַטשטיין, דער ייד פון לובלין, האָט פשוט און ערלעך געהאַלטן, אַז יעדער יידס פונוואַנען — איז טאַקע פונדאַנען...

(פאָלק און מדינה, ת"א, אָקט. 1974 ; „קול לובלין", נאָוו. 1974)

## יזכור־ביכער — באַדייטונג און אויפגאַבן

### אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל

יזכור־ביכער זענען אַ פּראָדוקט פון אַ תקופה, אגב — די שרעקלעכסטע אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. זייער אויפגאַבע איז געווען און פאַרבליבן צו פאַראייביקן די פאַרשניטענע יידישע קהילות און די אומגעקומענע יידן. אָבער אַ נישט קלענערער אויפטו פון דעם סאָרט ליטעראַטור איז, אויסער דער באַשרייבונג פונעם חורבן, אויך — און פאַר אַלעמען — די שילדערונג פונעם אויפבוי, ווּקס און אַנטוויקלונג פונעם יידישן לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן ; די וווּנדערבאַרע דערציילונגען פונעם „שטורעם־און־דראַנג פּעריאָד" נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און שפּעטער ; די אַנטשטייונג פון די פּאַרטייען, ציוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע, די גרינדונג פון ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן, ספּאָרט־קלובן, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ; דאָס רעליגיעזע לעבן אין דער היים, בית־המדרש, אין די חסידים־שטיבלעך און אין שיל ; די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס ; דער צווישנפּאַרטיישער קאַמף, דער אידעאַליזם פון אונדזער יוגנט און זייער טיפע אמונה אין דער נאַציאָנאַלער לייזונג פון דער יידן־פראַגע און סאָציאַלע לייזונגען פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אין דעם באַשטייט די באַדייטונג פונעם ספר יזכור. ער פאַראייביקט און פאַרזיגלט אַ גאַנצן דורותדיקן יידישן שטאַם און יידישן שטייגער, וועלכן דער פאַרשאָלטענער היטלעריזם האָט צעשטערט און פאַרטיליקט.

אויב מען רעדט וועגן המשכדיקייט פונעם יידישן לעבן, זענען די יזכור־ביכער די איינציקע בריק פון יענער תקופה, וועלכע דער דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן האָט באַוויינט אין זיין „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" און די איצטיקע תקופה פון באַנייטער מלוכהשקייט אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה. די אָנדענק־ספרים האָבן אויך פאַר אַן אויפגאַבע צו דערציילן וועגן דער פאַראַנגאַזשירטקייט פון אונדזערע יידן, וואָס זענען תמיד געווען פאַרקוקט אין דער צוקונפט פונעם פאָלק — ווער אויס רעליגיעזער מאָטיוואַציע, ווער אויס חלוצישן

אידעאַליזם, ווער אויס נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, צי סאָציאַליסטישע טרוימען. אויב אונדזערע סאָבּרעס און די א. ג. „כנענים" וועלן לייענען און, פאַרשטייט זיך, אויך וועלן עפּעס לערנען פון די יזכּור־ביכער, וועלן זיי אַוודאי אַנטדעקן, וויפל גייסטיקע עשירות האָט פאַרמאָגט די פאַרגאַנגענע תּקופה, וואָס פאַר אַ שפּרודליק געזעלשאַפטלעך לעבן איז אָנגעגאַנגען אין די האַרבע באַדינגונגען פון גלות.

פאַר די צוקונפטיקע דורות איז די דאָזיקע אייגנאַרטיקע ליטעראַטור אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל צו פאָרשן דאָס נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און רעליגיעזע לעבן אין מזרח־אייראָפּע פאַרן היטלעריסטישן מבול.

## זענען יזכּור־ביכער „ריינע" ליטעראַטור?

דער־אָ זשאַנער אין דער יידישער ליטעראַטור, כ'מיין — די יזכּור־ביכער, פאַרמאָגן טאַקע אַלע שוואַכקייטן, אָבער אויך די דערהויבנקייטן פון דער יידישער פּראָזע, פּאָעזיע, דראַמאַטור־גיע, מעמואַריסטיק. אַוודאי זענען פאַראַן גוט צונויפגעשטעלטע יזכּור־ביכער און אויך — שלעכט רעדאַגירטע, אָרעמע אין אינהאַלט. פאַר דעם לעצטן איז אין אַ געוויסער מאָס שוין פאַראַנטוואָרטלעך דער רעדאַקטאָר. נאָר לאָמיר דאָ ציטירן דעם פאַרשטאָרבענעם היסטאָריקער ד"ר פיליפּ פרידמאַן, גרינדער פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן, גלייך נאָך דער באַפרייונג. אָט וואָס דער מומחה און אויטאָריטעט שרייבט וועגן דעם:

„די חורבן־ליטעראַטור איז אַן אמתע מאַסן־ און פאָלקס־ליטעראַטור, דעריבער זענען ווייט נישט אַלע פון די מחברים פּראָפעסיאָנעלע שרייבערס אָדער פאָרשערס. צווישן די מחברים געפינט מען מענטשן פון אַלע שיכטן און קלאַסן, מענטשן וואָס האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן האַלטן אַ פּען אין זייער האַנט. דאָך האָבן אַ צאָל מחברים זיך אַנטפּלעקט ווי אמתע ליטעראַרישע טאַלאַנטן און מיט זייערע ערשטע חורבן־שאַפונגען אָנגעהויבן טאַקע זייער שרייבערישע קאַריערע".

מען דאַרף פאַרשטיין, אַז אַ יזכּור־בוך איז נישט קיין ענציקלאָפּעדיע, נישט קיין וויסנ־שאַפטלעכע שטודיע — דערפאַר טאָר מען נישט אָנווענדן די זעלבע קריטעריעס ווי לגבי בעלעטריסטישע ווערק און אַנדערע ליטעראַרישע שאַפונגען. אַ יזכּור־בוך גיט בלויז אַ **בילד** פון אַ לעבנס־שטייגער וואָס איז אַוועק אויף אייביק.

אַזאַ באַגאַבטער פּען־מענטש ווי חיים ליבערמאַן ז"ל האָט אַנומלט אַפּעלירט אין „פאָר־ווערטס": „יידן ווילן שרייבן — אדרבא ואדרבא! הלוואַי זענען אַלע יידן שרייבערס... און לאַנדסלייט ווילן באַשרייבן זייערע שטעטלעך — אַ ברכה אויף זייער קאָפּ. זאָלן זיי דאָס מאַכן וואָס שנעלער".

ס'איז אויך נישט ריכטיק די איינשטעלונג, אַז די יזכּור־ביכער זענען אַלע ענלעך איינער צום צווייטן. ווי האָט אַמאָל געשריבן שלום אַש: „יידן האָבן איין גאָט, איין אמונה, איין תּורה — נאָר יעדער שטעטל האָט זיך זיין באַזונדער פּנים. דאָס קומט אויך צום אויסדרוק אין די יזכּור־ביכער: יעדער ספר איז אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך.

## צי האָבן לאַנדסמאַנשאַפטן פּאַרספּעקטיקט מיטן אַרויסגעבן יזכּור־ביכער?

די ביז איצט דערשינענע צאָל יזכּור־ביכער ווערט געשאַצט אויף אַ 500 ביז 600. אַ גענויעם ציפער ווייס איך נישט. אויב אָננעמען פאַר ריכטיק די סטאַטיסטיק פון יעקב לעשטשינסקי, אַז אין דער חורבן־תּקופה זענען אומגעקומען אין אייראָפּע 3 טויזנט גרעסערע יידישע קהילות און 27 טויזנט קלענערע ישובים — הייסט עס, אַז טויזנטער יידישע קהילות זענען נאָך נישט פאַראייביקט געוואָרן און אַז די קדושים פון יענע ישובים וואַרטן נאָך אויף

אַ בוך־מאָנומענט, אויף אַ מצבה, וואָס זאָל אין דער פאָרם פון אַ ספר יזכור אויפגעשטעלט ווערן אויף די אומבאַוווסטע קברים פון די גוט באַקאַנטע יידן...

אָבער אַפילו איצט, העכער 30 יאָר נאָכן חורבן, זענען אַ גרעסערע צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן נאָך אַלץ באַשעפטיקט ביים זאַמלען מאַטעריאַלן און גרייטן צום דרוק זייערע יזכור־ביכער.

## פאַראַן אויך אַ גוט וואָרט פאַר די קריסטן וואָס האָבן געהאָלפן

ווי באַוווסט, איז יעטוועדע באַשרייבונג פון די אקופּאַציע־יאָרן, אַ שווערער באַשולדיקונג־אַקט קעגן די דייטשע רוצחים און זייערע מיטהעלפערס — די ליטווינער, לעטן, אוקראַינער, פּאָליאַקן. נאָר אויב ווער פון די דערמאָנטע פעלקער האָט אַרויסגעוויזן אַ טראָפּן מענטשלעכקייט און געהאָלפן דעם געָרודפטן ייד — ברענגט ער דאָס אַרויס אין זיינע זכרונות מיט דער פולער ערלעכקייט. אויך גוטע דייטשן ווערן דערמאָנט צום גוטן, הגם דאָס זענען געווען זעלטענע פאַלן; מען דערציילט וועגן פויערן אויפן דאָרף, אינטעליגענץ אין שטאָט און אויך פון דער פּוילישער אונטערוועלט, וואָס האָבן ריזיקירט מיט זייערע לעבנס און אויסבאַהאַלטן אַ ייד, אָדער אים געהאָלפן אויף אַנדערע וועגן.

ביי דער געלעגנהייט איז אפשר כדאי צו דערמאָנען אויך אַזאַ פאַל, וועלכער איז באַשריבן געוואָרן אין יזכור־בוך ראָהאַטין, אַ שטעטל אין גאַליציע, ווו גראָד אַ בייזער, דאָרפישער הונט האָט אַרויסגעוויזן מער רחמנות פאַר אַ געפּלאָגטע יידישע טאָכטער, איידער די צוויי־פיסיקע איינוווינערס פון דעם דאָרף און די דייטשן:

דאָס מיידל, אַ פאַרפּלאָגטע און דערשעפּטע פונעם געיעג, איז צוגעקומען צו אַ הינטישער בודע אין איינעם פון די פויערישע הייף — און נישט קלערנדיק לאַנג, איז זי דאָרט אַריינגע־קראָכן, ווייל די בודע איז געווען ליידיק. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז אָנגעקומען דער פאַקטישער איינוווינער פון דער בודע — אַ ריזיקער שוואַרצער הונט. גרויס איז געווען זיין איבעראַשונג, ווען ר׳האָט אין זיין „היים" דערזען דעם אומגעבעטענעם גאַסט. אינטערעסאַנט, אַז דער כלב האָט בלויז געגעבן אַ בייזן וואָרטשע — און באַלד זיך אָפּגעטראָגן, איבערלאָזנדיק דאָרט דאָס מיידל, וואָס איז טאַקע ניצול געוואָרן.

## היסטאָרישער און וויסנשאַפטלעכער ווערט פון די יזכור־ביכער; געשיכטע פון יידישע קהילות

ס׳איז נישט קיין סוד, אַז נאָך דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע מיטן אויסמאָרדן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, האָט די חורבן־ליטעראַטור פאַרנומען די מזרח־וואַנט — און דער־אָ פאַקט רעדט שוין וועגן היסטאָרישן און וויסנשאַפטלעכן ווערט פון די דאָזיקע ביכער. נישט אַלע ווייסן, אַז אונדזער בילדונג־מיניסטעריום איז אַן ערנסטער קונה פון די יזכור־ביכער, פון וועלכע עס ווערט אַ סך געלערנט אין די שולן וועגן דער חורבן תקופה.

די יזכור־ביכער זענען די סאַמע אויטענטישע דאָקומענטאַציע און אמתדיקע שילדערונגען פון די קרבנות, וואָס גיט צו אַ סך וואָג און חשיבות דער באַשולדיקונג קעגן נאַציזם. די דערציילונגען דריקן אויך אויס דעם פּלאַמיקן פּראָטעסט און וויי־געשריי פונעם ייד, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אוישוויץ, מיידאַנעק, סאָביבור און טרעבלינקע.

נאָר דאָס וויכטיקסטע — אין קיין שום אָרט ווערט נישט אַזוי פיל דערציילט וועגן יידישן ווידערשטאַנד און גבורה, ווי גראָד אין די יזכור־ביכער. דער־אָ מאָמענט פון דער יידישער רעזיסטאַנס, וואָס צעשטערט די לעגענדע, אַז מ׳האָט זיך געלאָזט פירן ווי שאָף צו דער שחיטה — איז אָן שום ספק איינער פון די וויכטיקסטע אַספּעקטן פונעם יידישן העראָיזם און ווידערשטאַנד. פאַר דער געשיכטע און פאַר דער וויסנשאַפט זענען די יזכור־ביכער אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל צו פאָרשן יענע תקופה און אויך אַ לערע און דערמוטיקונג פאַר

אונדזער יונגען דור אין מדינת ישראל, פאַר די חיילים פון צה״ל — ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אינעם בוך „שיח לוחמים״ („שמועסן פון קעמפערס״).

איך מיין, אַז די העלדישע געטאָ־אויפשטאַנדן אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, בענדין, ניעסוויזש און אַנדערע ערטער, האָבן באַקומען זייער ליטעראַרישן תיקון, ריכטיקע היסטאָרישע געשטאַלט און טיפן וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז נאָר אין די יזכור־ביכער. ווייל דאָס דאָמינאַנטע אין די דאָזיקע ספרים איז טאַקע די פּעדער — דער ווילן צו שרייבן און דערציילן; און אויך די ביקס — ווי דער אויסדרוק פון קאַמף, פון פאַרטיידיקן זיך, פון נישט קאַפּיטולירן פאַרן שונא. נאָר אין אַזאַ ליכט דאַרפן מיר זען די יזכור־ביכער.

איצט, אין 31סטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, ווילט זיך ווינטשן אונדזער פאָלק ישראל, אַז מער זאָלן מיר אַזעלכע ביכער נישט דאַרפן שרייבן.

(ראַדיאָ־אוידיציע אין יידיש אין „שידורי ישראל״, דעם 15.4.1974, ערב דעם 31סטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע).

## דער נס פון עלי שעכטמאַנס „ערב״

דער נס פון דערשיינען אין תל־אביב פון אַזאַ ספר־עפּאָפּייע ווי „ערב״, דעקט זיך מיטן גרויסן נס וואָס האָט פּאַסירט מיטן סאָוועטישן יידנטום. בעת סאָלזשעניצינס ביכער זענען דערשינען אין דער פרעמד, אין גלות, וואוהין דער מחבר איז פאַרטריבן געוואָרן, האָט עלי שעכטמאַנס 2־בענדיקער „ערב״ זוכה געווען (נאָך דעם ווי „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט עס געדרוקט אין המשכים), צו דערזען די ליכטיקע שיין אין בוך־פאָרם אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה, וווּ ער איז געקומען, מיט זיין טרייער לעבנס־באַגלייטערין זשעניא, ווען ער ווידמעט טאַקע זיין „ערב״.

דער מחבר פון „ערב״ איז געווען דער ערשטער צו באַקומען די ליטעראַטור־פרעמיע פון ראש הממשלה. דער מעמד פון יענעם אָוונט אין בית יהדות בסרביה און גאָלדע מאירס אַרויס־טרעטונג אין יידיש, אין זכות פון דער יידישער ליטעראַטור און פון אַזעלכע געבענטשטע שרייבערס ווי שעכטמאַן — זענען אומפאַרגעסלעך. פּונקט ווי עס גייט נישט אויסצומעקן פונעם לייענערס זכרון די געשטאַלטן, שילדערונגען, געשעענישן, און בכלל — די גאַנצע טעמאַטיק פון „ערב״: די באַיארס, איווע, דניאל, יצחק, אלעקסאַנדער, נעכע, כיירוס, אבנר, דער אלטער נתן לאנדע און נאָך און נאָך פּערסאָנאַזשן, וואָס ווען לאַנג באַגלייטן די, וואָס האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט פונעם וואָרט־מייסטער עלי שעכטמאַן.

לייענענדיק אַזאַ בוך ווי „ערב״, אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור, אין דער סעריע „ביכער פון יידיש שרייבער, נייע עולים פון ראַטנפאַרבאַנד״ — קאָן מען זיך דערפון נישט אָפּרייסן; ענדיקסטו די צוויי בענד — פילט מען גלייך, אַז ס׳איז נאָך נישט פאַרענדיקט. נאָר אַפילו ווען עס וואָלט יאָ שוין געווען דער סוף, נעמט אָן אַ חשק נאָכצופאָלגן דעם ווייטערדיקן גורל פון די אַלע העלדן, וואָס זענען דיר געוואָרן אַזוי נאָענט און אייגן, ווייל יעדער לייענער איז געוואָרן אַ נאָענטער מחותן מיט די באַיארס...

איבערלייענענדיק „ערב״, האָט זיך מיר דערמאָנט וואָס נחמן מייזיל ז״ל האָט אַמאָל דערציילט: אין אַ רעדאַקציע פון אַ צייטונג איז אַנגעקומען אַן אַרבעט צום אָפּדרוקן — אָבער דער רעדאַקטאָר האָט זי צוריק געשיקט מיט דער צושריפט „נישט דרוקפעיק״. האָט דער אַנטוישטער מחבר זיך אַנגעפרעגט ביים רעדאַקטאָר: היתכן? ווי אַזוי דאַרף מען שרייבן? איז געקומען אַ תשובה: שרייבט פּראָסט און פשוט, אַזוי ווי טאָלסטאָי האָט געשריבן... אַזוי

ווי מ׳איז איצט אויף דער שוועל פון נייעם יאָר, אין „סעזאָן״ פון ווינטשן זיך — זאָל מיר דערלויבט זיין צו ווינטשן, פון דער טריבונע און פון דער אכסניה, די פען־מענטשן אין ישראל, אַז אויך זיי זאָלן זיין מסוגל צו שרייבן אַזוי פשוט און איינפאַך — ווי... עלי שעכטמאַן. אָן שום ספק, אַז אין אַזאַ פאַל וואָלט אונדזער יידיש־ליטעראַטור דערהויבן געוואָרן ביז די הימלען.

נאָך אַ צוויי ברכות האָב איך ביי דער געלעגנהייט: נאָר איך מוז פריער ציטירן אַן אויסצוג פון עלי שעכטמאַנס אַ בריוו צו מיר, אין וועלכן ער שרייבט (איך מיין, ר׳ עלי, איר וועט נישט האָבן קיין פאַראיבל, הלמאי איך ברענג אַרויס די עטלעכע ווערטער):

„כ׳וויל גלויבן, אַז מיט דער צייט וועלן מיינע פּראָסטע דאָרפס־יידן, די וואַלד־יידן, די באַיאַרס, ווערן דאָ, אין ישראל, אבות אויך פאַר די סאַבּרעס: דורות מוזן זיין געבונדן, געקניפּט און געקייטלט״.

און נאָך אַ ציטאַטע:

„יאָ, „ערב׳ איז נאָך נישט פאַרענדיקט. כ׳האַרעווע איצט אויפן פינפטן בוך, די צייט פון תרע״ט—תרע״פ, די בלוטיקע פּאָגראָמען אויף אוקראַינע, און אַ בוך וועגן דער בלוטיקער סטאַלין־נאַכט וואָס פון איר איז אַרויס היטלער... און אַ בוך וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה און אויפקום פון ישראל... נאָר ווי זאָגט יצחק באַיאַר: אַז גאָט וועט שענקען געזונט און פּאָגאָדע! און אָט־אָ די צוויי קלייניקייטן זענען נישט אין אונדזערע הענט״...

וויל איך נאָכגיין נאָך די פּוסטריט פון ר׳ עלין און אים ווינטשן אין אונדזער אלעמענס נאָמען, אַ סך אַ סך געזונט און כוח (טאַלאַנט, ברוך השם, פאַרמאָגט ער גענוג) און טאַקע אויך — אַ פּאָגאָדע, כ׳מיין — אַז די ישראל־הימלען זאָלן זיך אויסלייטערן מיטן געגאַרטן שלום, און מיט אַ גרויסער עליה פון ראַטן־פאַרבאַנד.

נאָך אַזאַ בוך ווי „ערב״, מיט וועלכן ס׳האָט אונדז מזכה געווען עלי שעכטמאַן, וואָס מיינט אוודאי, דעם יידישלעכן ערב שבת, ערב יום־טוב — זאָל ער אונדז נאָך מזכה זיין מיט אַ בוך נישט נאָך פון „ערב״, נאָר טאַקע פון אַ שבת, פון אַ יום־טוב — ס׳איז שוין די העכסטע צייט!

זאָג איך אונדז אַלעמען — גוט יום־טוב יידן צום דערשיינען פון „ערב״, גוט יום־טוב יידן, צום באַווייזן זיך פון עלי שעכטמאַן אויפן ליטעראַרישן פירנאַמענט אין דער יידישער מדינה.

וועגן דעם שרייבער, זיינע ווערק און וועגן פּראָבלעם וואָס הייסט סאָוויעטיש יידנטום — וועלן זיך ברייטער אָפּשטעלן אונדזערע חשובע פּרעלעגענטן, די אמתע אויטאָריטעטן און ספּעציאַליסטן אין דער פראַגע: פּראָפעסאָר דב סדן און ד״ר יהושע א. גלבוע.

(אַ וואָרט פון פאָרזיצער אויפן אָוונט
אין בית־לייוויק אין תל־אביב, דעם
29.9.74, צום דערשיינען פון עלי
שעכטמאַנס „ערב״).

# אַ לעקסיקאָן וועגן חורבן, אַן אַנטאָלאָגיע פון גאַלגן־הומאָר

**נחמן בלומענטאַל — ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה.**
**פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1981. 330 ז״ז.**

מיר געדענקען דעם פּיוט „אקדמות״, געלייענט אין שבועות פאַר קריאת התורה: ווען אַלע טייכן זאָלן זיין טינט, ווען אַלעביימער זאָלן זיין פּענעס, ווען אַלע פעלדער זאָלן זיין פּאַרמעט... טאָ לאָמיר אָננעמען (און פּאַראַפראַזירן), אַז מ׳האָט שוין אוודאי פאַרנוצט אַ וועלט

מיט טינט, אַן אַ שיעור פּענעס און אַן אומגעהויערע צאָל פֿאַרמעטן צו באַשרייבן די שואה — פֿון דעסטוועגן האָט מען נאָך אַלץ נישט דערגרונטעוועט דעם פֿאַרנעם פֿון דעם קאַטאַקליזם, זיין פֿולן שוידער, הערויזם און מאַקאַברישקייט. די ביז־איצט דערשינענע מעמואַריסטיק פֿון דער חורבן־תקופה, איר פּראָזע, פּאָעזיע און פּובליציסטיק, האָבן נאָך נישט אויסגעשעפּט די טעמע אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע און סאָביבאָר. און פּונקט ווי עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז עס זענען נאָך פֿאַראַן „נישט געזעטיקטע" לייענערס פֿון דער חורבן־ליטעראַטור, אַזוי אויך פֿאַרמאָגן מיר אַ סך אַ סך, וואָס „האָבן שוין גענוג" די אַלע באַשרייבונגען און שילדע־רונגען פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. און וויפֿל איז טאַקע דער שיעור ? !...

פֿון דעסטוועגן רעקאָמענדיר איך פֿון גאַנצן האַרצן, סיי די „וואָס האָבן שוין גענוג", און אַוודאי און אַוודאי די וואָס האָבן זיך נאָך נישט צוגערירט צו אַ ספֿר וועגן יענער תקופֿה, זיי זאָלן זיך איינשאַפֿן נחמן בלומענטאַלס „ווערטער און ווערטלעך פֿון דער חורבן־תקופֿה" — אַ זאַמלונג פֿון איבער 2500 באַצייכענונגען, סילאָגיזמען, טערמינען און פֿאַרשידענע אויסדרוקן, געשאַפֿן פֿונעם פֿאָלק אין די יאָרן 1939—1945 אין די געטאָס, לאַגערן, פּאַרטיזאַנקעס און אין די אַלע מקומות, וווּ דער היטלעריסטישער רוצח האָט פֿאַרשפּאַרט אונדזערע יידן, און זיי, די דערנידעריקטע, באַליידיקטע, געפּייניקטע, געראודפֿטע און אויסגעהונגערטע, אַפֿילו ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויפֿן האַלדז, האָבן זיך באַנוצט מיטן לעצטן, אָבער נישט־אַנטווישנדיקן געווער — דאָס וואָרט ! דער וויץ, די פֿאָלקס־חכמה, אַ גלייכוווערטל, אַרויסגעבראַכט אין טראַגישע אומשטענדן, האָט גורם געווען אַנטשפּאַנונג, פֿאַרלייכטערונג, אַרויסגערופֿן אַ שמייכל, צי אַפֿילו געלעכטער — און מיט דעם סאָרט כּלי־זין האָט מען „דערלאַנגט" דעם שונא, צי אַראָפּגעריסן די מאַסקע פֿון אייגענע, אָדער אַפֿילו אָפּגעשפּאָט פֿון זיך אַליין. „אַ פּאַטש פֿאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט" — זאָגט אַ פֿאָלקס־ווערטל. אָן שום ספֿק, אַז בלומענטאַלס זאַמלונג פֿון ווערטער און ווערטלעך וועט באַשטיין לעולם ועד, ווייל דאָס איז אַ קאָמפּאַקטער לעקסיקאָן פֿון חורבן, אַן אַנטאָלאָגיע פֿון גאַלגן־הומאָר.

און נישט נאָר פֿונעם גערעדטן וואָרט איז דאָס אַ זאַמלונג, נאָר אויך פֿונעם פֿאַרשריבענעם — אין הונדערטער ביכער אין דער יידישער, העברעישער, פּוילישער, דייטשישער און רוסישער שפּראַכן, אָפּגערעדט פֿון צייטונגען, זשורנאַלן און אַנדערע פּובליקאַציעס. היינט, וויפֿל יאָרן האָרעוואַניע האָט מען באַדאַרפֿט אַריינלייגן אין אַזאַ בוך ? ווייל יעדעס וואָרט דאָרט „האָט אַ טאַטן" : דער מקור, ד. ה. דאָס בוך פֿון וואַנען מ'האָט אַרויסגענומען די באַצייכענונג, דער מחבר, די זייט און אין וועלכן אָרט ס'איז באַשאַפֿן געוואָרן, ווי אויך ווער ס'איז דער פֿאַרפֿאַסער פֿונעם ווערטל.

שוין אין יאָר 1944, צומאָרגנס נאָך דער באַפֿרייונג, האָט נחמן בלומענטאַל אָנגעהויבן זאַמלען די ווערטער, ווי ער דערציילט אינעם אַריינפֿיר (ז"ז 7, 9) :

„ווען כ'האָב אין מיט 1944 זיך געפֿונען אין מזרח פּוילן און געטראָפֿן מיטן קליין־ביסל יידן, האָב איך כּמעט זייער לשון נישט פֿאַרשטאַנען. אַזעלכע שינויים זענען דאָ פֿאָרגעקומען אין משך פֿון דער קורצער צייט פֿון מיין אָפּוועזנהייט — אַ 3 יאָר. כ'האָב געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָ פֿאָרגעקומען, יעדן פּרט און פּרט. פֿון דער צווייטער זייט, האָט יעדער איינער פֿון זיי, ,די איבערגעלעבטע' (מיט דעם אויסדרוק ,ניצול השואה' האָב איך ערשט שפּעטער זיך באַקענט), גערן דערציילט, ווי געוואָלט פּטור ווערן פֿון דער גרויסער לאַסט וואָס דריקט אים. געשטערט אין געשפּרעך האָבן די אומצאָליקע ווערטער, מיט וועלכע די מענטשן האָבן זיך באַנוצט און וואָס איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען. ס'איז געווען נייטיק איבערצופֿרעגן וואָס די ווערטער באַטייטן — און די צאָל אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער איז נישט געווען קיין קליינע. צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס

> נאָכן אויסשיילן זיי פון יידישן לבוש, האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי פרעמד־ווערטער, גענומען פון דייטש, פויליש, אוקראַיניש. אין אַ קלענערע מאָס — פון אַנדערע שפּראַכן: רוסיש, אונגאַריש אאַנ״ד.
>
> אין 1943 איז אין וואַרשע, פּוילישן אונטערערד, דערשינען אַ זאַמלונג פון אַנטי־היטלעריסטישע וויצן און אַנעקדאָטן. אין בוך געפינט זיך אַ קאַפּיטל א. ג. ,יידישע וויצן׳. דער אונטערערד — נישט נאָר דער פּוילישער — איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז גאָרנישט העלפט אַזוי דעם קאַמף קעגן היטלער־רעזשים, ווי אַ פּשוטער וויץ. קעגן אַ וויץ, איז אַפילו אַ דיקטאַטאָר ווי דער אַלמעכטיקער היטלער — מאַכטלאָז. דערפון די פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע צאָל הומאָריסטישע ביכער, זשורנאַלן, פלוגבלעטלעך, אַרויסגעגעבן אין דער אָקופּירטער אייראָפּע אין פאַרשידענע שפּראַכן, דערונטער אויך אין דער דייטשער. אַפילו ערנסטע אומלעגאַלע אויסגאַבעס האָבן געהאַט ,הומאָריסטישע ווינקלען׳. אַזוי אויך די אומלעגאַלע יידישע פּרעסע, וואָס איז דערשינען אין אָקופּירטן פּוילן, דערונטער נאָר אַ טייל טאַקע אין יידיש״...

אמת ויציב! יידן האָבן זיך געוויצלט אויך אין די געטאָס, אין די טויט־לאַגערן און אַזוי אַרום רעאַגירט אויף די גזירות פון די אונטערדריקערס. דער גאַלגן־הומאָר האָט דערמוטיקט, גייסטיק און מאָראַליש באַוואָפנט די קרבנות, געוועקט צום קאַמף.

אין סעפּטעמבער 1941 ווערט אינעם רינגעלבלום־אַרכיוו („עונג שבת״) פאַרצייכנט אַזאַ פאָלקס־ווערטל, וואָס בלומענטאַל ברענגט עס אין זיין בוך ביים וואָרט היטלער: „היטלער האָט געפירט אין פּוילן אַ טאָטאַלע מלחמה; אין פראַנקרייך — אַ מאָמענטאַלע; אין ענגלאַנד — אַ פאַטאַלע; אין רוסלאַנד — אַ קאַטאַסטראָפאַלע״. אָט דאָס הייסט אַ נבואה דורכגענומען מיט אמתדיקן יידישן בטחון, אַרויסגעברענגט, בסך־הכל 3 חדשים נאָכן אויסברוך פון דייטשיש־סאָוויעטישן קריג, ווען די ווערמאַכט האָט אָפּגעהאַלטן איבערראַשנדיקע נצחונות אויף אַלע פראָנטן. אָדער אַזאַ פאָלקס־חכמה, געבוירן אין שאַוולער געטאָ (ז׳ 80) ווי: „היטלער האָט באַשטימט אַ קאָנקורס אויף אַן אויפשריפט, וואָס זאָל אויסגעקריצט ווערן אויף זיין מצבה. עס זענען צוגעשיקט געוואָרן פיל פּראָיעקטן, נאָר קיין איינער איז אים נישט געפעלן געוואָרן. האָט מען זיך געווענדעט צו אַ יידן. דער ייד, נישט טראַכטנדיק פיל, האָט אויפגעגעבן: שיינקייט, ריינהייט, אָפּפער. דאָס איז היטלערן זייער געפעלן. איז מען באַפאַלן דעם יידן: ס׳טייטש?! האָט ער געענטפערט: דער אויפשריפט באַטייט נישט מער, ווי ,אַ שיינע ריינע כפרה׳...

כמעט גאַנצע 2 זייטן (292, 293) אין דעם פאַרכאַפנדיקן בוך, זענען געווידמעט דעם צעדולטן, אָבער זייער פּאָפּולערן ייד רובינשטיין אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס יעדע חכמה זיינע אָדער ווערטל, זענען גלייך צעטראָגן געוואָרן אין די פאַרפינצטערטע היימען און אַרויס־גערופן אַ שמייכל אויף די טרויעריקע פּנימער: „יינגל, האַלט זיך״; „פאַרקויף די הויזן מיטן וועסטל, אויב נישט גייסטו אין קעסטל״; „שמאַלץ ווערט ביליק, ווייל די גבירים לאָזן זיך אויס״; רובינשטיין גייט אויף לעשנאָ, עסט ברויט. פרעגט מען אים: ,פון וואַנען באַקומען דאָס ברויט?׳ ענטפערט ער: ,ווער משוגע, וועסטו אויך האָבן ברויט׳; רובינשטיין טוט אָן אַ פרויען־קלייד. אין גאַס פרעגט אים עמעץ: ,פאַר וואָס?׳ זיין ענטפער: ,ווייל כ׳האָב נישט קיין ווייב, הייַנט בין איך מיין ווייב׳״...

עס בעט זיך צו ברענגען נאָך און נאָך אויסצוגן פון דעם זעלטענעם בוך, נאָר אין אַ רעצענזיע טאָר מען זיך נישט דערלויבן אַזאַ „לוקסוס״. טאַ לאָמיר דעם טייל פאַרענדיקן מיט נאָך אַ מעשהלע פון לאָדזשער געטאָ און פון רומקאָווסקין (ז׳ 255): „אין לאָדזשער געטאָ זענען געווען יידישע פייערלעשערס. רומקאָווסקי, אין אַן עפנטלעכע רעדע, לויבט שטאַרק

זיינע פייערלעשערס: „טאָג און נאַכט שטייען זיי אויף דער וואַך". רופט זיך אָפּ עמעץ פון קהל: ‚און ווען שלאָפן זיי?' ענטפערט אים אַ צווייטער: ‚ווען עס ברענט'"...

☆

און איצט — עפּעס־וואָס וועגן מחבר, אַרויסגעבער, שפּענאָער און אַנדערע ענינים:

וואָס שייך דעם מחבר, איז ער בישט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור, און גאַנץ באַזונדערס — אויפן געביט פון דער שואה־פאָרשונג. געבוירן אין יאָר 1902 אין באָרשטשיוו, מזרח־גאַליציע. אין 1928 פאַרענדיקט די פילאָלאָגיש־הומאַניסטישע און פילאָזאָפישע פאַקולטעטן אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. פון 1929 ביז 1939 — לערער אין די יידישע הומאַניסטישע גימנאַזיעס אין לובלין, שפּעטער אין לאָדזש. אין פּוילן, נאָך דער באַפרייונג, איז דערשינען זיינע אַ דאָקומענטן־זאַמלונג אין פּויליש „אַבאַזי" („לאַגערן") און מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער חורבן־תקופה. דערנאָך — „סלאָוואָ ניעוויננע" („אומשולדיקע ווערטער").

אין ישראל, ווו ר'האָט עולה געווען אין יוני 1950, האָט בלומענטאַל רעדאַגירט די פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון בית לוחמי הגיטאות און דאָס בוך „פּאַמיענטניק יוסטיני" („טאָגבוך פון יוסטינען"), דערשינען אין פּויליש און עברית. צוגעגרייט צום דרוק די אויסגאָבן פון יד ושם: פּראָטאָקאָלן פון יודענראַט אין לובלין; פּראָטאָקאָלן פון יודענראַט אין ביאַליסטאָק. צוזאַמען מיט ד"ר קערמיש רעדאַגירט די דאָקומענטן פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען אין צייטונגען, אין די ייוואָ־אויסגאַבן און פּעריאָדישע שריפטן. רעדאַגירט אַ 20 יזכור־ביכער פון אומגעבראַכטע יידישע קהילות.

שטעלט זיך טאַקע די פראַגע: צי אַ ייד מיט אַזאַ הויכן רעקאָרד פון פאָרשערישער, ליטעראַרישער און פּובליציסטישער אַרבעט, האָט נאָכן צונויפזאַמלען אין משך פון עטלעכע דרייסיק יאָר די טויזנטער ווערטער און ווערטלעך פון יענער תקופה, באַדאַרפט אָנקומען צו „פּריוואַטער איניציאַטיוו" פון זשורנאַליסט עובדיה פעלד, ער זאָל צונויפזאַמלען די היינט־צו־טאָג ריזיקע סומע, כדי דאָס ספר זאָל דערזען די ליכטיקע שיין? ווו איז געווען יד ושם, ייוואָ, צי קיבוץ לוחמי הגיטאות — ווייל בעצם איז עס זייער אויפגאַבע צו באַשעפטיקן זיך מיט אַזאַ בוך און דערמעגלעכן זיין דערשיינען. אַזש זיבן אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, און נאָך אַמאָל אַזוי פיל פּערזאָנען האָבן זיך באַשטייערט פאַר דעם צוועק. אָבער ווי נאָך לאַנג וועלן ביכער פון אַזאַ פאָרנעם און באַדייטונג, זיין אויסגעשטעלט אויפן „גוטן הארץ" און... קעשענע פון יחידים?

נאָר, ווייזט אויס, אַז אויך אין זכות פון אַזעלכע ברייטהאַרציקע יידן און אָרגאַניזאַציעס, דערשיינען ווערטפולע ביכער. און איינס פון זיי, איז אָן שום ספק, נחמן בלומענטאַלס „ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה".

# מיין היימשטאט לובלין
# און אנדערע ישובים

# די לובלינער צווייג פון אַ ברייט־צעוואַקסענעם בוים

ווי אַ טראָפּן וואַסער וואָס שפּיגלט אָפּ דעם ים, אַזוי האָט די יידישע לובלין אָפּגעשפּיגלט אַלץ וואָס איז אויפן אידעאיש־פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן, רעליגיעזן און קולטורעלן געביט פאָרגעקומען ביי דעם דריי און אַ האַלבן מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות. די לובלינער צווייג פונעם ברייט־צעוואַקסענעם, שטאַמיקן בוים וואָס האָט געהייסן פּויליש יידנטום, האָט זיך גענערט מיט די בעסטע זאַפטן און געבראַכט די שענסטע פּירות.

אין יידישן לובלין מיט זיינע העכער 40 טויזנט איינוווינער זענען געווען פּאַרטייען, געזעלשאַפטן, אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, קלובן, מיטלשולן, פאַלקסשולן, חדרים, פּראָפעס־יאָנעלע פאַריינען, אַ ישיבה, בתי־מדרשים, וווילטעטיקע חברות, קולטור־אינסטיטוציעס, ספּאָרט־קלובן, ביבליאָטעקן, יידיש טעאַטער, יידישע בענק, „טאָז", „אָרט", אַ יידיש שפּיטאָל, אַ יתומים־ און זקנים־הויז, גמילות־חסדים־קאַסעס, אַן אייגענע טאָג־צייטונג „לובלינער טאָג־בלאַט", אַ וואָכנשריפט „לובלינער שטימע" און אַנדערע אויסגאַבן.

אַלע יידישע פּאַרטייען אין פּוילן האָבן געהאַט זייערע טעטיקע אָרגאַניזאַציעס אין לובלין: אגודת ישראל און קאָמוניסטן, פּועלי ציון און רעוויזיאָניסטן, בונד און אַלגעמיינע ציוניסטן, פּועלי אגודת ישראל, מזרחי, הפּועל המזרחי. אויף אַלע זייערע אינערלעכע און עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען האָט מען געשאַרפט די מוחות אַרום אידעען און פּראָגראַמען, פּאָלעמיזירט מיט קעגנער און געלויבט די אייגענע איינשטעלונגען.

נישט קלענער פונעם פּאָליטיש־פּאַרטייאישן לעבן, איז געווען די ברייטפאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט און שול־וועזן. די געזעלשאַפט „הזמיר", דער קולטור־ראַט פון די פּראָפ. פאַראיינען מיט דער „קולטור־ליגע", געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער, קולטור־סעקציעס ביי כמעט אַלע פּאַרטייען און געזעלשאַפטן, וואָס פלעגן איינאָרדענען לעקציעס, שמועסן, רעפעראַטן, קרייזן, קורסן, ליטעראַרישע אָוונטן און אַנדערע אימפּרעזעס. געווען אויך יידישע מיטלשולן „שפּער", „הומאַניסטישע" און „גלאַסבערג"; יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שולן אויף ניעצאַלע, לובאַרטאָווסקע און רוסקע; די „תרבות"־שול אויף סטאַשיצאַ; די מאָדערניזירטע חדרים „יבנה", בית־אולפּנה; די אָרטאָדאָקסישע מיידל־שול בית־יעקב און אַ יידישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט.

אויך דאָס רעליגיעזע לעבן אין לובלין איז געווען ראַשיק, פאַרביק, מיט פאַרנעם: די באַרימטע ישיבת חכמי לובלין, די היסטאָרישע שילן פון מהרש"ל און מהר"ם, בתי מדרשים, בתי־כנסת און חסידים־שטיבלעך. די יידן מיט דער טראַדיציאָנעלער יידישער קליידונג, האָבן צוגעגעבן דער שטאָט אַ באַזונדערן קאָלאָריט.

ביז גאָר אַנטוויקלט איז געווען די יידישע אַרבעטנדיקע לובלין, די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג האָט אַרומגענומען אַלע פאַכן און בראַנזשעס, ווי דעם רוב יידישע אַרבעטער, מיט אייגענע לאָקאַלן, הילפס־קאַסעס און אינסטיטוציעס. מ'האָט געפירט עקאָנאָמישע קאַמפן פאַר קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט די אונטערנעמער, בעסערע לוינען. ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין פּאָליטישע אקציעס און דעמאָנסטראַציעס בעת אַרבעטער־יום־טובים.

געווען אויך אַ סוחרים־פאַראיין און אַ קליינהענדלער־פאַראיין, אַ האַנטווערקער־פאַרבאַנד און אַ כאַלופּניקעס־פאַראיין, געווען און געווען — — —

ביז די ערשטע טראָפּנס פונעם בלוטיקן היטלעריסטישן מבול האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די לובלינער יידן, פאַרפּלייצט זיי און דערטרונקען, אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

גלייך נאָך דער באַפרייונג, זענען גראָד אין לובלין אַנטשטאַנען די ערשטע פאָרמען פונעם באַנייטן יידישן לעבן אויף דער פּוילישער ערד — דער צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן, אַ שוואַכער ווידערקול פון יענעם ברויזנדיקן יידישן לובלין. אין זייער גרעסטער מערהייט זענען

די רעשטלעך פונעם לובלינער יידנטום געקומען אין דער יידישער מדינה און דאָ זיך אַריינ־געפלאָכטן אינעם אַלגעמיינעם אויפבוי־ווערק.

טריי דער טראַדיציע פונעם אַמאָליקן לובלין, איז אין ישראל טעטיק דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכער פירט אַן אַקטיווע טעטיקייט: אזכרה־פייערונגען יעדעס יאָר, אַ הילפס־קאַסע א. ג. „קדושי לובלין". צוזאַמען מיט דער לובלינער לאַנדסמאַנ־שאַפט אין פראַנקרייך, איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסע אַרבעט פון אַרויסגעבן „דאָס בוך פון לובלין", וואָס דערשיינט אין פּאַריז — אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אונדזער געבורטשטאָט. עס ווערט אויך געפירט אַן אַקציע אין לאַנד און אין אויסלאַנד צו פלאַנצן אין ישראל אַ וואלד צום אנדענק פונעם יידישן לובלין — „יער קדושי לובלין". עס ווערן איצט געמאַכט צוגרייטונגען אין תל־אביב אָפּצומערקן דעם צענטן יאָרטאָג זייט דעם אומקום פונעם יידישן לובלין, וואָס וועט זיין פאַרבונדן מיטן דערשיינען פונעם בוך.

די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל שטייט אויך אין פאַרבינדונג מיט די לאַנדס־מאַנשאַפטן און אויסלאַנד. ווילן מיר איצט דורכן מיקראָפאָן פון „קול ציון לגולה" איבערשיקן אונדזער האַרציקן ברודערלעכן גרוס פון מדינת ישראל, צו אַלע לובלינער יידן אין דער וועלט.

(רעדע אין ראַדיאָ, 10.9.52)

## נישטאָ מער די יידישע לובלין

מיט עלף יאָר צוריק — דעם 9־טן נאָוועמבער 1942 — זענען די לעצטע רעשטלעך פונעם לובלינער יידנטום אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים. דאָס קליינע געטאָ אויפן מיידאַן טאַטארסקי, וואָס האָט לויט דער נאַצישער באַרימערײַ באַדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „מוסטער־געטאָ", ווו לובלינער יידן וועלן רואיק זיך אויסלעבן ביזן סוף קריג, איז יענעם טראַגישן טאָג אַרומגעשטעלט געוואָרן דורך באַוואָפנטע ס.ס.־לייט און אוקראַינישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן דורכגעפירט זייער בלוטיקע מלאכה. אינעם דערבייאיקן טויטלאַגער מיידאַנעק זענען אַוועקגעפירט געוואָרן עטלעכע טויזנט יידן און די אַנדערע זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די מאָרד־אַרבעט איבערן העכער פערציק טויזנט־קעפּיקן יידישן ישוב — איז פאַרענדיקט געוואָרן. איינע פון די ערשטע און גרעסטע צווייגן פונעם פוילישן יידנטום — איז געוואָרן אָפּגעהאַקט.

אזוי האָבן דייטשע וואַנדאַלן חרוב געמאַכט אַן אַלטע יידישע קהילה, ווו יידיש לעבן האָט אָנגעהויבן שפּראָצן נאָך אין פופצנטן יאָרהונדערט; ווו שוין אין יאָר 1547 האָבן זיך געדרוקט העברעישע ספרים; ווו אין יאָר 1580 איז אנטשטאַנען דער ועד ארבע אַרצות — דער סיים פון די יידן אין גאַנץ פוילן.

וועגן דער חשיבות פון דער יידישער לובלין אין יענער תקופה, שרייבט דער באַוווסטער היסטאָריקער פּראָפ' ד"ר מאיר באַלאַבאַן אין זיין בוך „די יידן־שטאָט לובלין": „אָבער נישט בלויז ענינים פון די פוילישע יידן ווערן באַהאַנדלט און באַשלאָסן אין לובלין, אויף די צוזאַמענפאָרן פונעם ועד, נאָר אַלע יידישע קהילות פון אייראָפּע ווענדן זיך קיין לובלין נאָך עצות, הילף, דערמוטיקונג".

טריי דער געשיכטע און טראַדיציע פון זייער רומפולער היסטאָרישער שטאָט, האָבן לובלינער יידן די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות (1918 — 1939), ווייטער געוועבט דעם גאָלדענעם פאָדעם און אויפגעשטעלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע נעץ פון פאַרטייען, אָרגאַניזאַ־ציעס, אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטן און פאַריינען. אויפן קולטור־פראָנט האָבן געווירקט די געזעלשאַפטן „הזמיר", „קולטור־ליגע", געזעלשאַפט אוונט־קורסן פאַר אַרבעטער, יידישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט, ביבליאָטעקן, יידיש טעאַטער, די טאָג־צייטונג „לובלינער

טאָגבלאַט״ און קולטור־סעקציעס ביים רוב פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. טויזנטער יידישע קינדער האָבן באַקומען זייער דערציונג אין די יידישע מיטלשולן פון „שפּער״, „הומאַניסטישע״ און „גלאַסבערג״, ווי אין די יידיש־וועלטלעכע פאָלקסשולן, אין תרבות, „בית־יעקב״, „יבנה״ און בית אולפנה. דער שטאָלץ (נישט נאָר פון לובלינער רעליגיעזן יידנטום) איז געווען די באַרימטע ישיבת חכמי לובלין, די היסטאָרישע שילן פון מהרש״ל און מהר״ם, די גרויסע צאָל בתי מדרשים, חסידים־שטובלעך, חדרים, און דאָס סאַמע וויכטיקסטע — די יחוס־קייט פון גרויסע וועלט־באַרימטע רבנים און גאונים. און פּאַרטייען האָט דאָס יידישע לובלין פאַר־מאָגט — נישט צום פאַרזינדיקן.

נישט געווען אויך צו שעמען זיך מיט דיווירטשאַפטלעכע, פילאַנטראָפּישע און אַנדערע אינסטיטוציעס פונעם יידישן לובלין: בענק, „טאָז״, „אָרט״, סוחרים־פאַריין, קליינהענדלער־פאַריין, האַנטווערקער־פאַרבאַנד, כאַלופּניקעס־פאַריין, אַ יידיש שפּיטאָל, אַ יתומים־הויז, ספּאָרט־קלובן, גמילות חסדים קאַסעס, ביקור חולים, פּת לאורחים — און נאָך און נאָך. אַ שם דבר איז אויך געווען די לובלינער יידישע אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער מוסטערהאַפטער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, מיט באַזונדערע יוגנט־סעקציעס, פּרץ־הויז, ספּאָרט־קלובן, און דאָס וויכטיקסטע — די פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען וואָס האָבן טויזנטער אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אַרויסגעהויבן פון חשכות און זיי דערצויגן צו אַ בעסער לעבן...

היינט איז דאָס אַלץ נישטאָ. דער בלוטיקער היטלעריסטישער מבול האָט אַראָפּגעשווענקט די יידישע לובלין. ווי יעדעס יאָר, וועלן אין הארץ פון דער אויפגעריכטער יידישער מדינה, אין תל־אביב, צונויפקומען זיך איבער טויזנט לובלינער יידן און מיט באַנייטער קראַפט אויפלעבן אין זייער זכרון די שטאָט פון דער קינדהייט, די שטאָט פון חדר און שול, פון רבינס קאַנטשיק און דעם טאַטנס קניפּ אין בעקל, די היימען מיט די שבת־ליכט און די חברים פון די יוגנט־יאָרן. עס וועט זיך נאָכאַמאָל אַנטפּלעקן פאַר אונדז די היימשטאָט מיט איר פאַרבי־קייט, ברויזנדיק געזעלשאַפטלעך לעבן און שווונג, די שטאָט פון גרויסע עמיגראַציעס און וואַנדערונגען אין פאַרשידענע לענדער און פון דער העראָישער עליה אין אייגענעם לאַנד. עס וועלן פאַר אונדז אויפטויכן די געשטאַלטן פון די האָרציקע, פאָלקסטימלעכע, חסידישע און וועלטלעכע יידן, מיט זייער גייסטיקן באַגאַזש און טעמפּעראַמענט, מיט זייערע יסורים און דערהויבנקייט — ביזן טראַגישן אומקום...

די לעבן געבליבענע יידן פון לובלין, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט אויף דער וועלט, האָבן מיטן „דאָס בוך פון לובלין״ אויפגעשטעלט אַ באַשיידענע גייסטיקע מצבה דעם אומגע־בראַכטן לובלינער יידנטום. איצט גרייטן לובלינער יידן אין ישראל אַ צווייטע מאָנאָגראַפיע אין עברית, אין די ראַמען פון „אנציקלופדיה של גלויות״. מיט די דאָזיקע ביכער ווילן מיר אָנצינדן דויערהאַפטיקע יאָרצייט־ליכט אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון די אונדז גוט־באַקאַנטע לובלינער יידן. די דאָזיקע ליכט וועלן אונדז שטענדיק דערמאָנען די קדושים און טהורים, ווי די רוצחים און זייערע העלפערס.

נישטאָ מער די יידישע לובלין!... אין עלפטן יאָרטאָג פון איר אומקום. וועלן מיר ווידער ערן זייער הייליקן אָנדענק...

(ראַדיאָ־אוידיציע אין „קול ציון לעולה״, 8.11.53)

## פאַרייביקט דעם אָנדענק פון אַ שטאָט

די יידן פון אונדזער היימשטאָט לובלין, וואָס געפינען זיך איצט אינעם אויפגעריכטן יידישן היימלאַנד, אין ישראל, האָבן איבערגעגעבן דעם חבר בלומענטאַל און מיר די בכבודיקע און דאַנקבאַרע אויפגאַבע צו ברענגען אין זייער נאָמען די האַרציקסטע ברידערלעכע גרוסן

פאר די לובלינער יידן אין פראנקרייך. איך וויל אויך אין נאָמען פון ארגון יוצאי לובלין בישראל אויסדריקן די טיפסטע אָנערקענונג און דאנקבארקייט אונדזערע לאנדסלייט אין פּאַריז, באַזונדערס דעם בוך־קאָמיטעט, פּאַר דער גרויסער אַרבעט אויסצופּערטיקן די מאָנאָגראַפיע וועגן אונדזער געבורטשטאָט — „דאָס בוך פון לובלין".

מיר זענען נאָך אַלע דערשיטערט פונעם טראגישן אומקום פון דער יידישער קהילה אין לובלין. עס בלוטיקט נאָך די וווּנד צוליב די פארשניטענע לעבנס פון אונדזערע טייערסטע — אָבער אַ געפיל פון שטאָלץ און דערהויבנקייט באהערשט היינט יעדן לובלינער ייד צוליבן דערשיינען פון אונדזער ספר, וואָס שילדערט אַזוי בולט און קלאָר דאָס לובלינער יידנטום, זייער לעבן און קאַמף, זייערעליידן און פריידן, זייער גרויסקייט און פשטות, זייער קידוש־השם און דאָס באַנייטע לעבן אומעטום, באַזונדערס אין מדינת ישראל.

פעלקער און לענדער באערן דעם אָנדענק פון זייערע נאציאָנאלע העלדן מיט אויפשטעלן מאָנומענטן, דענקמעלער, צי אינסטיטוציעס אויפן נאָמען פון די געשטאָרבענע מיט אַ נאטיר־לעכן טויט. איר דערמאָנט זיך זיכער דעם „קבר פון אומבאַקאַנטן זעלנער" אויף דער קראָקעווער פּאָרשטאָט אין לובלין, אַנטקעגן דער הויפּט־פּאָסט; די שטענדיקע מיליטערישע ערן־וואַך און דער נר־תמיד אויפן גראָען שטיין מיטן אויפשריפט „דעם אומבאַקאַנטן זעלנער", וואָס האָבן באוויזן מיט וויפל יראת־הכבוד עס ווערט אָפּגעהיטן דער זכר פון איין־און־איינציקן אומבאַוווּסטן סאָלדאַט, וועלכער איז געפאַלן אין שלאַכט. גלייך נאָך דער באפרייונג האָט יעדער איינער פון אונדז, אָפּגעראַטעוועטע פונעם היטלעריסטישן מבול, געפרעגט: וועלן מיר געפינען די פאַסיקע פאָרם צו באַערן דעם אָנדענק פון איבער פערציק טויזנט אומגע־בראַכטע לובלינער יידן, וועמענס נעמען מיר האָבן יאָ געוווּסט, אָבער זייערע קברים זענען געווען אומבאַקאַנט, זייער געביין — צעשטויבט און צעמאָלן אויף מיסט פאר די פעלדער?!

דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראגע איז געקומען. היינט, אינעם טאָג פון דער טראגישער, צענטער יאָרצייט זייט דעם אומקום פון יידישן לובלין, איז אויף דער אומבאַוווּסטן קבר פון די אונדזז באַוווּסטע יידן, אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל — „דאָס בוך פון לובלין", וואָס וועט זיכער זיין דויערהאַפטיקער, שטאַרקער און איינדרוקספולער ווי די גרעסטע דענקמעלער פון גראַניט אָדער בראָנז. נאָר אָן „עם הספר", וועמענס וויטאַלער באַשטאַנדטייל ס'איז אויך געווען דאָס לובלינער יידנטום, האָט געקאָנט אויף אַזאַ ווירדיקן און דערהויבענעם אופן פאַרייביקן דעם אָנדענק פון זיין פאַרטיליקטער שטאָט.

ווי אַ הייליקע רעליקוויע, וועט יעדער לובלינער ייד אָפּהיטן דאָס דאָזיקע בוך, פאַרטיפן זיך אין די פאַרדרוקטע זייטלעך, מיט באַנייטער קראַפט אויפלעבן אין זכרון די שטאָט פון טרויעריקער, נאָסטאַלגישער קינדהייט, די שטאָט פון הדר און שול, פון רבינס קאַנטשיק און טאַטנס קניפּ אין בעקל, פון די היימען מיט די שבת־ליכט און חברים פון די קינדער־יאָרן; די שטאָט, ווו מיר האָבן איבערגעלעבט דעם ערשטן ציטער פון אידעישן געראַנגל און דעם ערשטן געפּליסטער פון ליבע־דערקלערונגען; די שטאָט מיט איר פּאַרביקייט, ברויזנדיק געזעלשאַפטלעך לעבן און שוווּנג, באַגלייך מיטן שטילן טרויער, שווערע דאגות פרנסה און בענקשאַפט נאָך שענערס און בעסערס; די שטאָט פון גרויסע אויסוואַנדערונגען און עמיגראַ־ציעס אין פאַרשידענע לענדער, און פון אַ העראָישער עליה אינעם אייגענעם לאַנד.

אַזאַ וועט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקן די יידישע לובלין מיט אירע יידן — די האַרציקע, פּאָלקסטימלעכע, וועלטלעכע און חסידישע, מיט זייער גייסטיקן באַגאַזש און טעמפּעראַמענט, מיט זייערע יסורים און דערהויבנקייט, ביזן טראַגישן אומקום.

פון שטאַנדפּונקט פון דער יידישער געשיכטע, יידישער ליטעראַטור, יידישער מאַרטיראָלאָגיע און גבורה, וועט „דאָס בוך פון לובלין" ווייט אַרויס פון די ראַמען פון אונדזער היימשטאָט און ווערן אַ וואָגיקער צושטייער דער יידישער ליטעראַטור בכלל.

אוודאי האָט דאָס בוך אויך שוואכע זייטן און בלויזן. אָבער נישט מיר, לובלינער יידן, זענען בארופן צו משפּטן און אורטיילן אַן אייגן, אויסגעצערטלט קינד, פאַר וועמען מיר האָבן אוועקגעגעבן אַזוי פיל מי און אָנשטרענג. זאָלן אַנדערע אָפּשאַצן „דאָס בוך פון לובלין", אונדזער בלוט און פלייש, אונדזער אָפּגעציטערטער בן־יחיד, וועמען מיר וועלן שענקען די נייטיקע ליבע און אויפמערקזאַמקייט. פאַר אונדז איז עס אַ בוך מיט בלויז מעלות...

און די סאַמע גרעסטע מעלה פונעם בוך איז די, וואָס אויסער די דערשיטערנדיקע שיל־דערונגען פון אומקום און פּיין, געפינען מיר דאָרט רירנדיקע באַשרייבונגען וועגן קאַמף פון לובלינער יידן, זייער אַנטייל אין אויסשמידן די אויסגעטרוימטע יידישע מדינה, זייער צושטייער אויף די אייראָפּעישע שלאַכטפעלדער, ווו ס'איז אָנגעגאַנגען דער פאַרמעסט צווישן רשעות און גוטסקייט, צווישן בלוטדורשטיקן פאַשיזם און דער קעמפנדיקער פרייהייט. באַזונדערס שטאָלץ זענען מיר אויף יענע לובלינער יוגנטלעכע, וואָס האָבן מיט געווער אין האַנט געקעמפט קעגן דער היטלעריסטישער בעסטיע אין די וועלדער פון לובלינער געגנט.

מיטן דאָזיקן בוך איז נאָך נישט פאַרענדיקט געוואָרן דאָס אָנדענק־ווערק. אין די ראַמען פון „יער קדושים", וואָס דער קרן קימת פלאַנצט איצט אויפן וועג קיין ירושלים, ווילן מיר, לובלינער יידן אין ישראל, פאַרפלאַנצן דעם „יער קדושי לובלין" צום זכר פון די פערציק טויזנט אומגעקומענע יידן פון אונדזער היימשטאָט.

די לובלינער יידן אין ישראל האָבן פאַרוואָרפן אַ בריק פון זייער היימשטאָט לובלין, ביז דעם היימלאַנד ישראל. כ'מיין, אַז כ'וועל נישט באַליידיקן די געפילן פון די אַנוועזנדיקע, אויב כ'וועל זאָגן, אַז לובלינער יידן אין פראַנקרייך, זענען די פילאַרן פון דער דאָזיקער בריק — און האַלעוויי זאָלן אויך זיי קומען צום סוף פון דער בריק, קיין ישראל, ווי אַמגיכסטן...

ווו לובלינער יידן זאָלן זיך נישט געפינען, דאַרף מען היינט, אין צענטן יאָרטאָג נאָך אונדזער פאַרשניטענער שטאָט, ווידעראַמאָל זיי דערמאָנען דעם טראַגישן אומקום, כדי אָנשטרענגען אַלע זייערע כוחות און באַוווסטזיין, אַז מער זאָל זיך נישט איבערחזרן אַזאַ אומגליק, מער זאָלן נישט זיין קיין מלחמות וואָס פאַרניכטן פעלקער און לענדער און שטעלן קודם כל אין סכנה דעם קיום פון יידישן פאָלק. טריי דער ירושה פון אונדזערע ברידער, זאָלן מיר ערן זייער אָנדענק מיטן רוף, אַז מער זאָלן קיין מיידאַנעקס נישט זיין!

פון דער באַגריסונג־רעדע אויף דער סיום־הספר פייערונג אין פּאַריז
דעם 9.11.53, צום דערשיינען פון „דאָס בוך פון לובלין").

# אין שליחות צו לובלינער יידן אין דער וועלט

דריי חדשים (יאַנואַר, פעברואַר, מערץ 1975) האָט געדויערט מיין שליחות, אין נאָמען פון די לובלינער אין ישראל, צו די לובלינער אין זיבן לענדער. פאַר דער צייט האָבן מיין פרוי רבקהלע און איך באַזוכט מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס, בוענאָס־איירעס, סאַן־פּאַולאָ, ריאָ־דע־זשאַנעירא, לאָנדאָן, בריסל און פּאַריז און אין די אַלע ערטער געטראָפן זיך מיט הונדערטער לאַנדסלייט אויף עפנטלעכע צוזאַמענקונפטן, פּריוואַטע אויפנאַמעס און אינטימע שמועסן. טיף אין זכרון און אויף לאַנגע יאָרן וועלן בלייבן איינגעקריצט די רירנדיקע באַגעגענישן, באַגלייט מיט אויפריכטיקער פריינדשאַפט און האַרציקער גאַסט־פריינטלעכקייט, שוין אָפּגערעדט פון דער פערזענלעכער זאָרג און אינטערעס, וועלכע מ'האָט אונדז אַרויסגעוויזן אומעטום. אונדזערע לובלינער יידן אין דער וועלט האָבן נישט אַנטוישט די געסט פון ישראל — אין מאָראַלישן, געזעלשאַפטלעכן און פינאַנסיעלן זין.

די עצם שליחות איז געווען אַן אויסטערלישע. ווו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ לאַנדס־מאַנשאַפט אין ישראל זאָל דעלעגירן איר פאַרזיצער אין אַזאַ צאָל לענדער — און עס זאָלן

זיך צו איר אַנשליסן אַזעלכע ערנסטע, סאָלידע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַראיין און די וועלט־באַוועגונג פון מפ״ם? האָב איך טאַקע אומעטום דערציילט, אַז הגם איך דערפיל אַ שליחות פון דריי, געהערט אָבער די בכורה צו לובלין. דעריבער האָב איך פאַר אַלעמען זיך באַמיט צו דערנענטערן און דערמוטיקן אונדזערע לאַנדס־לייט אין די תפוצות — פאַר מדינת ישראל און פאַרן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל.

## אין מאָנטרעאַל

די ערשטע סטאַציע אונדזערע איז געווען — מאָנטרעאַל. דאָ מוז איך פעסטשטעלן, אַז נישט נאָר ווען דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט, נאָר עס קאָן אויך זיין אַ גוטער אָנהייב, מיט אַ גלענצנדיקן העפי־ענד. שטעלט אייך פאָר, אַז פון דער זוניקער ישראל גיט מען אַ פאַל אריין אין אַ לאַנד וואָס איז באַדעקט מיט שניי, עס פאַרנעמט זיך אויף אַ שטאַרקן פראָסט און בייזע ווינטן דערמאָנען די לובלינער קעלטן — פון דעסטוועגן וואַרעמט אויף דער נשמה, ווען אויפן ערפּאָרט וואַרטן דיך אָפּ מיט פרייד און שמייכלען שרה און סעם ברייטער, רחלע זימלשטערן, רוזשקע צווייקאָפּט. דערנאָך פאַרפאַרט מען אין דער ליכטיקער ווינונג פון די ברייטערס, ווו עס נעמט באַלד קלינגען דער טעלעפאָן, צי די געסט זענען בשלום אָנגעקומען. אַלץ איז אַזוי היימיש און געמיטלעך.

וועגן דער הכנסת־אורחים פון שרה און סעם ברייטער וויל איך נישט שרייבן קיין סך, ווייל מיין שפּראַך איז צו אָרעם אויף איבערצוגעבן די אַלע מאָמענטן פון זאָרג פאַר באַקוועמ־לעכקייט, ווי אונדזערע גאַסטגעבערס אין מאָנטרעאַל האָבן דאָס אַרויסגעוויזן פאַר די 9 טעג פון אונדזער באַזוך. אויף דער זעלבער האַרציקער באַציונג און פריינדשאַפט האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אין אַלע ווייטערדיקע אכסניהס אונדזערע ווו מ׳איז איינגעשטאַנען — און כ׳וועל זיי שוין איצט אויסרעכענען:

אין טאָראָנטאָ — ביי פייגעלע און מאיר פרידמאַן;
אין ניו־יאָרק — ביי צפורה און יוסף שפּייזמאַן;
אין לאָס־אַנדזשעלעס — ביי באַלטשע און ישראל אייזענבערג;
אין בוענאָס־איירעס — ביי ראָסיטאַ און דוד מיזשעריציקי;
אין סאַן־פּאַולאָ — ביי ראובן ראָסעט;
אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ — ביי דער טאָכטער פון צעשע און סימאָן זיידנווערג;
אין לאָנדאָן — ביי בעל און אייזיק קרעמפּעל;
אין בעלגיע — ביי רוזשע און ירחמיאל וויעזשכאָווסקי און ביי ד״ר מרדכי און מערי ליכטפעלד;
אין פּאַריז — ביי פאַני און זשאָרזש גאַרפינקעל.

אין די אַלע היימען האָט אונדז גאָרנישט געפעלט. איך האָב קיין איינמאָל נישט געהאַט דאָס געפיל, אויך ביים געזעגענען זיך, אַז מיינע גאַסטגעבערס נעמען ערנסט דאָס פאָלקסווערטל, אַז „מיט געסט פרייט מען זיך צוויי מאָל: ווען זיי קומען אָן און ווען זיי פאָרן אוועק״. מיין דערפאַרונג האָט באַוויזן גראָד ס׳פאַרקערטע — אַז די דערמאָנטע יידן האָבן אויפריכטיק באַדויערט די צעשיידונג. אויף צוויי ערטער האָט מען אַפילו געלאָזט פאַלן אַ טרער, און גראָד מענער... אייניקע האָבן בעתן געזעגענען זיך דערקלערט און דערנאָך אויך געשריבן אין בריוו, אַז מיט אונדזער אַוועקפאָרן איז זייער שטוב געוואָרן ליידיק. אַזוי איז אויך אונדז געוואָרן פּוסט אין האַרצן, ווען מ׳האָט זיך באַדאַרפט צעשיידן מיט אַזעלכע וווילע מענטשן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן קיין מאָנטרעאַל. פאַראַן דאָרט אַן אַקטיווע לובלינער לאַנדס־מאַנשאַפט, מיט וועלכער עס פירט אָן אַ דערפאַרענער קאָדער געזעלשאַפטלעכע טוערס נאָך פון פאַר דער מלחמה. גלייכצייטיק איז אויך טעטיק אַ פרויען־קאָמיטעט (ליידיס אָקזילערי),

ווען וועמענס אויפטוען וואָלטן געמעגט דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט, אַריינגערעכנט אויך ישראל.

די אָנפירונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, הגם זיי געהערן אין גרעסטן טייל צום „אַרבעטער־רינג" וואָס איז נאָענט צום „בונד" — זאַמלט געלט פאַר ישראל און סאָלידאַריזירט זיך מיט דער יידישער מדינה. אויסער דעם, פירן זיי די נאָרמאַלע אַרבעט פון אַ סאָסייטי, ווי סאָציאַלע הילף, שטיצע פאַר לאַנדסלייט אין אַ ריי לענדער, אויך אין ישראל, קולטור־טעטיקייט, און פאַר אַלעמען — חברישע צוזאַמענטרעפן, וועלכע טראָגן אַ משפחהדיקן כאַראַקטער, וואָס האַלטן צוזאַמען די מענטשן און לאָזן זיי נישט פאַרגעסן ווער זיי זענען און פון וואַנען זיי קומען...

איך בין נאָך אונטערן איינדרוק פונעם קבלת פנים פאַר די געסט פון ישראל, אַ שבת־צו־נאַכטס. געקומען זענען אַ 70 לובלינער יידן. ווי מען האָט מיך אינפאָרמירט — נישט אַלע, ווייל אין מאָנטרעאָל, פונקט ווי אין די אַלע שטעט ווו עס זענען טעטיק אונדזערע לאַנדס־מאַנשאַפטן, זענען פאַראַן אַזעלכע יידן, וואָס דער „לובלינער יחוס" שטייט זיי נישט אָן און זיי מיידן אויס צו טרעפן זיך מיט שטעטישע. אויף יענעם מיטינג אין מאָנטרעאָל האָט געהערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג, אויך אַ דאַנק דעם פיינעם אָוונט־ברויט וועלכן די פרויען, בראש מיט רחלע זימעלשטערן, האָבן אַליין צוגעגרייט.

אין די ווייטערדיקע טעג ביסטו פאַרבעטן אין פאַרשידענע היימען און אינסטיטוציעס. צו די לעצטע דאַרף מען האָבן אַ באַגלייטער — סיי צוליב דער שפּראַך, סיי צוליב דער קאָמוניקאַציע. סעם ברייטער לאָזט איבער אַלע געשעפטן און איז אַ וווּנדערבאַרער מורה־דרך אין דער פאַר מיר פרעמדער און קאַלטער שטאָט. אויך אברהם צווייקאָפּט לייגט אַוועק אַ טאָג אַרבעט און מיט זיין פרוי רוזשקע פאָרט מען אַרום באַוווּנדערן די שיינקייטן פון מאָנטרעאָל, אָן איינגעהילטע אין שניי. עס פאַרבעטן אונדז צו זיך די סלאָמאַס, די זימעלשטערנס, די צווייקאָפּטס. מען באַזוכט אויך די היים פונעם לאַנדסמאַן שלאָס, וואָס האָט נאָך מיט 60 יאָר צוריק אויסגעוואַנדערט פון לובלין קיין קאַנאַדע.

אומפאַרגעסלעך איז דער געזעגענונגס־אָוונט ביי די סלאָמאַס. דער געמיטלעכער שמועס וועגן ישראל, די זכרונות פון דער אַלטער היים, די אויפגאַבן פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט אין די איצטיקע טעג — ווערן געפירט אין אַן אַטמאָספער פון פריינדשאַפט און צוטרוי. מיר באַשטימען אַלע, אַז אונדזערע לאַנדסלייט אין מאָנטרעאָל וועלן יעדן יאָר אַריינשיקן אַ רעגולערן אָפּצאָל פאַרן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל; זיי וועלן פאַרשפּרייטן אונדזער אויסגאַבע „לובלינער שטימע"; די אינדיווידועלע הילף וועלכע זיי דערטיילן פאַר לובלינער אין ישראל, זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם קאָמיטעט אין לאַנד. מיר האָבן אויך באַשלאָסן, אַז די בריוולעכע קאָנטאַקטן און פערזענלעכע באַזוכן זאָלן זיין וואָס אָפטער און אַז מען דאַרף שטיין אין כסדרדיקער פאַרבינדונג.

אַגב, די דערמאָנטע באַשלוסן האָב איך זיך באַמיט אַדורכצופירן אויך אין די אַנדערע ערטער וועלכע כ'האָב באַזוכט — און נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום קעגנערשאַפט. אונדזערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס זענען געווען איינשטימיק מיט די פאָרשלאַגן, וועלכע איך האָב געבראַכט פון ישראל.

## אין טאָראָנטאָ

נישט באַוויזן רעכט זיך „אויסצוניכטערן" פון די פיינע לובלינער איינדרוקן אין מאָנטרעאָל — און דער עראָפּלאַן ברענגט דיך קיין טאָראָנטאָ. די תמיד שמייכלדיקע פייגעלע פרידמאַן וואַרט אונדז אָפּ מיט איר באַקוועמען אויטאָ, אין באַגלייטונג פון יוסף בראָם און זיסל פעפערמאַן. ווידער איז וואַרעם אויף דער נשמה, ווייל מען געפינט זיך נאָכאַמאָל צווישן

היימישע יידן, וואָס פירן דיך אַוועק אין „ווייסן הויז" — אַזוי רופט מען דאָרט די שיינע ווילע פון מאיר פרידמאַן, דער פּרעזידענט פון די לובלינער און אומגעגנט־אָרגאַניזאַציע אין טאָראָנטאָ.

מילא, אַ שיינע וווינונג איז זייער אַן אָנגענעמע זאַך, בפרט פאַר געסט פון אַ ווייט לאַנד. נאָר אויב צו דעם צוגעבן אַ סך פריינדשאַפט, אויפמערקזאַמקייט, זאָרג און וואַרעמקייט — פּילסטו זיך גוט, מיט אַ לייכט געמיט און אויסגעצייכנטער שטימונג. דאָס אַלץ האָבן מיר געפונען נישט נאָר אין דער וווינונג פון די פרידמאַנס, נאָר אויך אין די אַנדערע לובלינער היימען. די חברים פון קאָמיטעט און זייערע פרויען איז ממש געגאַנגען אין לעבן מיר זאָלן זיי וויזיטירן — צו אַן אָוונט־ברויט, צו אַ מיטאָג, סתם אַ באַזוך. אַזעלכע איינלאַדונגען זענען געווען בשפע: צו די אַלספּעקטאָרס, בראָמס, פּעפּערמאַנס, וואַקסבוימס, גראָסמאַנס, צוקערפּיינס און אַנדערע. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז די אַלע האַרציקע לאַנדסלייט זענען געווען גרייט צו באַגלייטן אונדז אומעטום, וויזן די שטאָט, אירע שיינקייטן, ווי אויך וויזיטירן יידישע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע טאָראָנטאָ מעג שטאָלצירן.

דער צוזאַמענטרעף מיט לובלינער אַ זונטיק בייטאָג, איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. די 60 משפחות פון לובלין, כעלעם, מאַרקושאָוו, קראַשניק און אַנדערע ערטער פון לובלינער געגנט, האָבן מיך גאַנץ אויפמערקזאַם אויסגעהערט. אין משך פון איבער אַ שעה צייט האָב איך זיי אַריינגעפירט אין דער אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער מדינה און אויך דערציילט וועגן די אויפטוען און וויטערדיקע פּלענער פון אירגון יוצאי לובלין אין ישראל. דעם פאָרזיץ האָט געפירט מאיר פרידמאַן, באַגריסט האָט זיידפּאַדעם (פון כעלעם).

פאַר דעם צוזאַמענטרעף, האָט מען באַזוכט דעם מאָנומענט פאַר די קדושים פון לובלין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין טאָראָנטאָ. אגב, אויך אין מאָנטרעאָל זענען מיר געווען אויפן אָרטיקן בית־הקברות, ביים לובלינער מאָנומענט, און אויך זיך אָפּגעשטעלט ביי די מצבות פון לייבל לערער ז"ל, כעלע ראָזענבוש־קרעמפּעל ז"ל און אַנדערע.

וועגן אונדזער באַזוך אין טאָראָנטאָ איז אויך געמאָלדן געוואָרן אין שטאָטישן ראַדיאָ. צום געזעגענונג־אָוונט ביי די פרידמאַנס אין שטוב, איז געקומען אַן אָנגעזעענער עולם. ס'האָט געהערשט אַ פריילעכע אַטמאָספער. נאָך אַזאַ פיינעם פאַרברענג אין קאַנאַדע, האָט נישט צורו געלאָזט די פראַגע: וואָס דערוואַרט אונדז אין ניו־יאָרק, וווהין מיר דאַרפן פליען נאָכן וויזיט אין טאָראָנטאָ?

### מיט לובלינער יידן אין ניו־יאָרק

אוי, האָט מען אונדז אָנגעשראָקן מיט ניו־יאָרק: נישט נאָר אין אַלגעמיין, אַז ס'איז אַ שטאָט מיט אַ סך פאַרברעכנס, נאָר אויך בנוגע לובלין... אַז ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו ריידן, מען פירט נישט קיין טעטיקייט אדג"ל. אָבער ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען אין דער דאָזיקער ריזן־מעטראָפּאָליע, האָט מען זיך אַנטוישט... צום גוטן. אויפן עראָפּאָרט קענעדי וואַרטן דיך אָפּ צוויי טייערע לובלינער יידן, שלמה זינשטיין און יוסף שפייזמאַן. מיר פאַרפאָרן מיט שלמהס אויטאָ צו די שפייזמאַנס אין דער וווינונג אין מאַנהעטן, וווּ צפורה וואַרט אונדז אָפּ מיט אַ סך שמייכלען, פרייד און אָוונט־ברויט. זי וויזט אונדז אויך דעם „פאָרווערטס", וווּ ס'איז אַנאָנסירט דער מיטינג פון די לובלינער אויף דעם נאָענטסטן זונטיק, ביי דער פרוי פליישהאַקער אין וווינונג, מיט אונדזער אָנטייל. מיר שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן טשערמאַן פון די לובלינער, אַלעקס פינקעלשטיין (וואָס איז נפטר געוואָרן אין אויגוסט ה. י.) — און צומאַרגנס באַגלייט ער מיך אין עטלעכע אינסטיטוציעס. אַלעקס איז מסכים, אַז די קאָנטאַקטן צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן זענען טאַקע געווען שוואַכע, נאָר ער זאָגט צו אויף להבא צו שטיין מערער אין פאַרבינדונג מיט ישראל.

דער צוזאַמענטרעף מיט אַ 40 לובלינער יידן ביי אונדזער סעקרעטאַרין, בערטאַ און צאַלעל פליישהאַקער, איז געווען אַ צופרידנשטעליקער. אויפן אָרט איז געזאַמלט געוואָרן קנאַפּע טויזנט דאָלאַר: אַ העלפט — פון די אָנוועזנדיקע, נאָך 500 דאָלאַר האָבן דעקלאַרירט אין נאָמען פון די „אַלטע לובלינער" — די פריינד שיינער און ראָטשילד.

אויפן דערמאָנטן מיטינג פון די לובלינער איז נאָך מער באַוווּסט געוואָרן דער גוט באַקאַנטער ענין וועגן באַדייטנדיקע סומעס דאָלאַרן, וועלכע ליגן אין די קאַסעס פון די צוויי אַלטע לובלינער סאָסייטיס און ס'איז שווער צונויפצוברענגען די באַפולמעכטיקטע אויף אונ־טערצושרייבן וועגן איבערווייזן די געלטער קיין ישראל. דער האַרציקער און ווילער ייד, סאָל שיינער, האָט פאַרשפּראָכן אַלץ צו טאָן, כדי אַרויסנעמען די „פּאַרפרוירענע" דאָלאַרן פון באַנק — און לאָמיר האָפן, אַז דאָס וועט אים געלינגען, ווי ער שרייבט אין זיין לעצטן בריוו צו אונדז וועגן פּראָיעקט צו קויפן אַן אַמבולאַנס פאַרן מגן דוד אַדום א.נ. פון די לובלינער קדושים.

פון די גאַסטפריינטלעכע וויזיטן און אויפנאַמעס ביי לובלינער אין ניו־יאָרק, וויל איך דערמאָנען די זינשטיינס, די פּרוכטמאַנס, די שיינערס און די גרענדערס, ווי אויך דער רירנדיקער צוזאַמענטרעף מיט פאַלע דרייבלאַט. פון פילאַדעלפיע איז ספּעציעל געקומען אונדז זען אונדזער יוגנט־חבר משה שטיינשטאַק, וואָס מיר האָבן בכלל נישט געוווּסט צי ער לעבט.

אַ דאַנק הערי פּרוכטמאַן און זיין פרוי, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן דעם מאָנומענט און דאָס אַש פון די לובלינער קדושים, ווי אויך אייניקע קברים פון לאַנדסלייט, וועלכע מ'האָט געבראַכט צו אייביקער רו אויף יענעם בית־עלמין.

כ'מוז נאָך דערמאָנען צוויי וויזיטן, אין באַגלייטונג פון צפורה שפּייזמאַן: אין ייוואָ, ווו מיר האָבן געפונען אַ געבונדענעם קאָמפּלעט־יאָרגאַנג פון „לובלינער טאָגבלאַט" פון יאָר 1918, די אויסגאַבן „קול לובלין" און אַנדערע ביכער וועגן דער אַלטער היים; אין דער וווינונג פון די שיינערס, ווו עס האָט זיך געפונען אַ גאַנצער אַרכיוו פון דאָקומענטן, בילדער און אויסגאַבן וועגן דער טעטיקייט פון די אַלטע לאַנדסמאַנשאַפטן.

.אויב מיר האָבן אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט אָנצוקוקן די אונ"אָ־געבײדע, דעם העכסטן בנין „עמפּייר סטייט בילדינג" און אַנדערע ניו־יאָרקער מערקווירדיקייטן, איז עס צו פאַר־דאַנקען דעם יונגן פּראָפעסאָר פון ניו־העמפּשירער אוניווערסיטעט, מייק ראָזענבוש (מיין פּרויס אַ ברודער־זון), וואָס איז ספּעציעל געקומען פון באָסטאָן קיין ניו־יאָרק, כדי ווייזן די שטאָט, ווי ער האָט עס געטאָן מיט 2 וואָכן פריער אין מאָנטרעאָל. מייק איז געבוירן אין לובלין, דער זון פון כעלע קרעמפּעל ז"ל און אייזיק ראָזענבוש ז"ל. ער איז פּראָפעסאָר פאַר רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור.

פון די ניו־יאָרקער דערינערונגען, וועל איך נישט פאַרגעסן דעם הערלעכן אָוונט, ווען די געסט פון ישראל, מיט אַ גרופּע לובלינער, זענען דורך צפורה שפּייזמאַן פאַרבעטן געוואָרן אויף דער פאָרשטעלונג „דורות גרינע פעלדער", אין וועלכער זי שפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלן. נאָכן ספּעקטאַקל זענען מיר אַוועק אין אַ קאַפע: די שפּייזמאַנס, די וואַסערשטרומס מיט זייערע קינדער, די זינשטיינס, מייק ראָזענבוש. ביים געזעגענען זיך, האָט דער נישט איבעריק געזונטער זעליג וואַסערשטרום זיך אָנגערופן:

— נאָכן היינטיקן צוזאַמענטרעף מיט לובלינער און פון דער פאָרשטעלונג איז מיר צוגעקומען אַ האַלב געזונט...

אויך מיר זענען אַוועק פון ניו־יאָרק צופרידענע און דערמוטיקטע, הגם ס'איז אין דער שטאָט פאַראַן אַ ברייט פעלד פאַר לובלינער אַקטיוויטעטן. נאָר דאָס איז שוין אָפּהענגיק פון אונדזערע לאַנדסלייט דאָרטן, אויף ווי ווייט זיי וועט זיך גלוסטן צו אָנגאַזשירן אין דער סאָסייטי־טעטיקייט.

## אין לאָס־אַנזשעלעס

אַז אַ לובלינער דערמאָנט לאָס־אַנזשעלעס, האָט ער גלייך אין זינען ישראל אייזענבערג, ווייל איינס „בינדט זיך" מיטן צווייטן. נאָך אַ קנאַפּע 6 שעה פליען פון ניו־יאָרק, טאָ ווער, מיינט איר, האָט אונדז אָפּגעוואַרט אויפן עראָפּאָרט, אויב נישט דער האַרציקער ר׳ ישראל מיט זיין שוואָגער איזאַק עהרענבערג?! די צוויי יידן לאָזן דיך באַלד פילן, אַז נישט נאָר וואָס ביסט אין זייערע הענט, נאָר אויך אין... לובלין. אָט זיצן מיר ביי אַ טיש, אויף וועלכן די האַרציקע באַלטשע אייזענבערג האָט אָוועקגעשטעלט פון כל־טוב. די מאַמעשי (די אלמנה פון ר׳ משהלע אייזענבערג הי״ד) מיט איר טאָכטער גינאַ, דער זון ישראל, די שנור באַלטשע, דער איידעם איזאַק, די אייניקלעך — שוין חתונה געהאַטע, די פאַמיליע שנור, די פרוי טעמע און נאָך לאַנדסלייט, פרייען זיך מיט די געסט פון דער יידישער מדינה. אויף זונטיק פאַרנאַכט איז אין דער זעלבער וווינונג באַשטימט אַן אויפנאַמע. געקומען זענען אַ 20 לובלינער (מענדעלע מילשטיין האָט זיך צוגעשטעלט אַזש פון סאַן־פראַנציסקאָ), וואָס האָבן זיך פריער אונטער־געלענט די הערצער מיט אַ כיבוד, וועלכן די אייזנבערגס האָבן צוגעגרייט כיד המלך. דערנאָך האָב איך דערציילט דעם עולם וועגן געראַנגל פון מדינת ישראל פאַר שלום, זיכערקייט, עליה־אויפנעם און עקאָנאָמישן וווילשטאַנד, ווי אויך זיי אָפּגעגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון אירגון יוצאי לובלין — די אויפטוען און פּראָיעקטן פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין דער יידישער מדינה.

מיט 3 טעג שפּעטער זענען מיר געווען פאַרבעטן אין דער וווינונג פון מערי און יואל גאָלדמאַן. ס׳איז ממש אַנצוקוועלן, וואָס אַ לובלינער ייד האָט דערגרייכט — פינאַנסיעל און געזעלשאַפטלעך. וועגן זייערע שפּענדונגען פאַר ישראל רעדט מען אין לאָס־אַנזשעלעס מיט אַ סך אָנערקענונג. מיר זענען אויך געווען די געסט ביי גינאַ און איזאַק עהרענבערג, וואָס האָבן אונדז דערמעגלעכט אַ באַזוך אינעם וווּנדערבאַרן „דיסני־לענד".

ס׳איז צו באַדויערן, וואָס נישט אַלע לובלינער אין לאָס־אַנזשעלעס זענען געקומען צום קבלת־פּנים, נעמענדיק אין אַכט, וואָס אַ חודש פאַר אונדזער אָנקומען, האָט ישראל אייזענבערג געגעבן אַ מעלדונג אין דער אָרטיקער ייִדיש־ענגלישער וואָכנשריפט וועגן באַזוך פונעם פּאַרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין מיט זיין פרוי, און אויך געלאָזט פאַרעפנטלעכן די בילדער פוןביידע. אַז מען שמועסט אַמעריקאַנער „פּאַבליסיטי" — איז דאָך נישט שייך. ר׳ ישראל האָט אויך פונאַנדערגעשיקט צו יעדן איינעם אַזאַ איינלאַדונג — און נישט אַלע האָבן געוואָלט זיך טרעפן מיט לאַנדסלייט, אויס מורא, ווייזט אויס, אַז אַזאַ וויזיט וועט אפשר דאַרפן קאָסטן עטלעכע דאָלאַר. ליידער, אַ נישט קליינע צאָל לובלינער, נישט בלויז אין לאָס־אַנדזשעלעס, פירן אַזעלכע „חשבונות"...

## אין בוענאָס־איירעס

אַ חסד האָט מיר געטאָן פריינד משה קויפמאַן, רעדאַקטאָר פון דער בוענאָס־איירעסער יידישער טאָג־צייטונג „די פּרעסע", וואָס האָט באַערט מיט זיין אָנוועזנהייט דעם פייערלעכן מיטינג פון די לובלינער אינעם זאַל פון דער פעדעראַציע פון פּוילישע יידן און אויספירלעך באַשריבן יענע אונטערנעמונג, ווי אויך מיין וויזיט מיט מיטגלידער פון לובלינער קאָמיטעט אין דער רעדאַקציע — און אַזוי אַרום פאַרשפּאָרט מיר צו שרייבן.

כ׳בין אָבער נישט באַפרייט פון צו שילדערן געוויסע „לובלינער איינדרוקן און אַבסער־וואַציעס" אין דער הויפּשטאָט פון אַרגענטינע. אויך דאָ האָבן אָפּגעוואַרט גוטע חברים נאָך פון דער אַלטער היים: די ברידער קאָפּל און דוד מיזשעריצקי מיט זיין פרוי ראָסיטאַ. ביי זיי ביידע האָבן מיר געוואָסן פון הכנסת־אורחים אין משך פון 2 וואָכן. ראָסיטאַ און דוד אין בוענאָס־איירעס, פּונקט ווי באַלטשע און ישראל אין לאָס־אַנזשעלעס, זענען אויסגעצייכנטע גאַסטגעבערס און מען פילט זיך גוט אין אַזעלכע יידישע היימען.

דער ערשטער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען ביי דער פאַמיליע טעמפּעלדינער, וואָס האָט אָוועקגעשאָנקען אַ שטוב פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט צו פירן דאָרט איר טעטיקייט. אַ 20 יידן פון לובלין האָבן געהאַט וואָס צו ריידן אויף אַזאַ צוזאַמענקום. אויך איטע און קאָפּל מיזשעריצקי, זייער זון מענדעלע מיט דער פרוי, מירטאַ מיזשעריצקי און איר מאַן; די פאַמיליע אורבאַן — זיי אַלע האָבן אונדז פאַרבעטן אין זייערע היימען.

מיין איינדרוק פון די לובלינער אין בוענאָס־איירעס איז אַזאַ: עס קומט די יידן די פולע אָנערקענונג, וואָס זיי האַלטן אויף די אָרגאַניזאַציע. איך מיין, אין דער ערשטער ריי, דעם פּרעזידענט קלאַוויר, דעם וויצע־פּרעזידענט גראַדעל, דעם סעקרעטאַר ק. מיזשעריצקי, די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער טעמפּעלדינער, זילבערג און אַנדערע. ס׳וואָלט אָבער געווען אַ יושר, ווען מען ברייטערט אויס די טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור, פּראַייביקונג, סאָציאַלע הילף און מיטאַרבעט מיט נאָך געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס. און פאַר אַלעמען — ענגער מאַכן די ביז איצט לויזע קאָנטאַקטן מיט די לובלינער אין ישראל. כ׳וויל האָפן, אַז זיי וועלן אָננעמען אונדזערע פריינדלעכע עצות און פאָרשלאָגן.

## אין סאַן־פּאַולאָ און ריאָ־דע־זשאַנעיראָ

אויף אַזאַ אויפנאַמע אין דער שיינער בראַזילאַנער שטאָט סאַן־פּאַולאָ האָב איך זיך נישט געריכט. אויפן פלי־פעלד האָבן אונדז אָפּגעוואַרט עטלעכע דעלעגאַציעס פון אַ ספּעציעלן קבלת־פּנים קאָמיטעט: פון די לובלינער: — ראובן ראָסעט, מינדל און לאָזער גאָלדבוים, מאיר כהן; פון מפ״ם — אורון מאַנדעל; פון ייוואָ — דזשייקאָב אוזופּאַטאַ; פון דער געזעלשאַפט פריינד פון יידישן טעאַטער — דוד סגי־נהור. מיין פרוי און איך פאַרפאָרן אין דער וווינונג פון ראובן ראָסעט, אַ ייד פון לובלין, וואָס פאַר דער מלחמה האָבן מיר זיך נישט געקענט, נאָר אויפגענומען, איינגעאָרדנט און געזאָרגט פאַר אונדז האָט ער אַזוי, ווי עס קאָן נאָר זאָרגן אַ נאָענטער, לייבלעכער ברודער. זיין פּאָלקסטימלעכקייט, פּשוטקייט און הכנסת־אורחים — האָט אונדז ממש גערירט.

דער קבלת־פּנים קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן פאַרן 9־טאָגיקן באַזוך.

איך וועל לאַנג געדענקען די סדר־נאַכט ביי ראובן ראָסעט אין הויז, מיט זיין פאַמיליע: צוויי זין, שנורן, אייניקלעך, די שוועגערין מיטן מאַן און זייערע קינדער און עטלעכע פריינד. איבער צוואַנציק פּערזאָן האָבן אָפּגעריכט דעם סדר נישט נאָר כדת וכדין, נאָר אויך ווי... אין לובלין. נאָר ווי קאָן עס זיין אַ יידישע שמחה אָן אַ טרער? אַלע האָבן געדענקט — און ראובן ראָסעט האָט עס אויך דערמאָנט אויפן הויכן קול — אַז מיט אַ יאָר צוריק האָט נאָך געלעבט די באַלעבאָסטע פון דער דאָזיקער יידישער היים, טובה ראָסעט ע״ה.

מיר זענען אויך געוואָרן אויפגענומען אין די היימען פון סימאַ און שמואל בערגמאַן, פון מינטשע און מאָטל דינער, פון מינדל און לאָזער גאָלדבוים, פון די מאַנדעלס און אַנדערע.

דער געזעגענונג־אָוונט האָט נישט צוגעצויגן קיין גרויסן לובלינער עולם. זאָלן מיר מוחל זיין די לאַנדסלייט וואָס זענען נישט געקומען, אויב כ׳וועל אַ טייל פון זיי חושד זיין, אַז די מורא קוים וועט מען דאַרפן מיט עפּעס זיך באַשטייערן פאַר די לובלינער אין ישראל, האָט זיי באַוויגן צו זיצן אין דער היים. די מסיבה איז אָבער אַדורך אין אַ האַרציקער אַט־מאָספער. דערפאַר האָבן שוין געזאָרגט דער גאַסטגעבער ראובן ראָסעט, די באַגריסערס: לאָזער גאָלדבוים, דער שרייבער גוטערמאַן, דער דיכטער משה קנאַפּהייס און אַנדערע.

✡

אַפילו אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, וווּ עס זענען פאַראַן אפשר אַ צאָל לובלינער וואָס מ׳קען זיי אָפּציילן אויף די פינגער פון איין האַנט — וועט אונדזער אַ לאַנדסמאַן נישט גיין פאַרלוירן. בסך־הכל אַנדערהאַלבן מעת־לעת איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אין

יענער שטאָט און פאַר דער צייט האָבן מיר גענאָסן פון דער גאַסטפריינדלעכקייט פון סילוויאַ זיידנווערג, די טאָכטער פון צעשע און סימאָן זיידנווערג, אונדזערע קאָמיטעט־מיטגלידער. ס׳איז פאַר אונדז געווען אָנגענעם אויך צו פאַרברענגען אין דער היים פון אונדזער בן־עיר שלמה פעלד (ברודער פון עובדיה פעלד) און זיין פרוי. אויך די טאָכטער מיטן מאַן און קינדער זענען געווען פאַרבעטן — און ווידער איז געווען אַ געפיל, אַז מ׳איז אין דער היים.

אין שייכות מיט דעם וויזיט אין ריאָ, מוז איך דערמאָנען אַ טייערן קראַשניקער ייד, אברהם קאַווע. אין זכות פון דעם וואָס כ׳בין געווען דער רעדאַקטאָר פונעם יזכור־בוך „ספר קראַשניק״ האָט דער דערמאָנטער לאַנדסמאַן אונדז אָפּגעוואַרט אויפן עראָפּאָרט און דערנאָך אַרומגעפירט איבער דער שטאָט, וואָס מ׳זאָגט אַז זי איז איינע פון די שענסטע אין דער וועלט. נאָר דער הער קאַווע, ווי דער פּרעזידענט פון דער צאָלרייכער און אַקטיווער קראַשניקער סאָסייטי, האָט ליבערשט געוואָלט ריידן וועגן זיין שטעטל, וועגן דער נאָענטער פון לובלין קראַשניק און דער עיקר — ווייזן מיר דעם „היכל קראַשניק״ אין ריאָ. אַזוי ווי מיר איז גוט באַקאַנט דער „היכל קראַשניק״ אין תל־אביב, האָב איך פּשוט מקנא געווען די קראַשניקער יידן אין ישראל און אין בראַזיל, וואָס האָבן אויף אַזאַ בכבודיקן און עפעקטיוון אופן פאַראייביקט זייערע קדושים. איך מיין, אַז די גרויסע לובלין דאַרף זיך שעמען פאַר דער קליינטשיקער קראַשניק, ווייל מיר האָבן ביז איצט נאָך נישט באַוויזן אויפצושטעלן עפּעס מאָנומענטאַלס, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער עיר ואם בישראל — לובלין.

מיט אַזעלכע מחשבות פאַרלאָז איך דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט מיט דער בראַזיליאַנער פלי־געזעלשאַפט „וואַריג״. עס דערוואַרט אונדז אַ „שוועבן אין דער לופטן״ במשך אַ 14 שעה, אָן אַן אָפּשטעל, ביז מ׳וועט אין אַ מזלדיקער שעה אָנקומען קיין לאָנדאָן.

## אין ענגלאַנד און בעלגיע

ווייל איז דער קליינער צאָל לובלינער משפחות אין לאָנדאָן, וואָס דאָרט וווינט אַזאַ וואַרעמער ייד ווי איזאַק קרעמפּעל, וואָס טוט אַלץ וואָס מעגלעך אויפצוהאַלטן די גרופּע לאַנדסלייט, צונויפזאַמלען זיי ביי זיך אין שטוב און נישט לאָזן פאַרגעסן די אַלטע היים, די אומגעקומענע טאַטע־מאַמע, די פאַרגאַזטע שוועסטער און ברידער. בסך־הכל 3 טעג איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אין דער הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד, אָבער איזאַק האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז אַ 5 לובלינער משפחות זאָלן זיך צונויפקומען אין זיין גאַסט־פריינדלעכער היים אין לאָנדאָן. איך האָב זיי דערציילט וועגן אונדזערע פּראָבלעמען. עס זענען געווען אויך פראַגן, ווי צ״ב: „פאַרוואָס ווערן נישט אָפּגעדרוקט אין ׳לובלינער שטימע׳ אויך אייניקע אַרטיקלען אין ענגליש?״; „וואָס טוען מיר מיטן געלט?״ — און אויך אַזאַ סקעפּטישע פראַגע: „ווי לאַנג וועלן אָנהאַלטן די לאַנדסמאַנשאַפטן?״ מיינע ענטפערס האָב איך אָנגעהויבן פון דער לעצטער פראַגע — אַז אונדזער דור, די שארית הפליטה, איז שולדיק אַ גרויסן מאָראַלישן, נאַציאָנאַלן און משפּחהדיקן חוב די קדושים, כדי זיי פאַראייביקן. אָבער נישט ווייניקער ווי מען זאָרגט פאַרן אָנדענק פון די טויטע, אַזוי איז אויך אונדזער חוב אינזינען צו האָבן די לעבעדיקע יידן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, וואָס נייטיקן זיך אין אַ גוט וואָרט און אין מאַטעריעלער הילף. וואָס שייך אונדזער פאַרווענדן דאָס געלט, איז מיין תשובה געווען, אַז מיר פאַרעפנטלעכן קאַסע־באַריכטן, אַז עס פונקציאָנירט אַ רעוויזיאָנס־קאָמיסיע מיט אַ דיפּלאָמירטן בוכהאַלטער, וואָס קאָנטראָלירן די הכנסות און הוצאות. מיר האָבן אויפגעשטעלט אין תל־אביב אַ מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק; מיר שטיצן יידישע פען־מענטשן און קולטור־טוערס, וואָס אַ דאַנק דעם פאָנד זענען דערשינען אַ 10 ביכער, מיט דער צושריפט אַז זיי זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל; אַז מיר האָבן אויסגעשטרעקט אַ ברודערלעכע האַנט

קנאַפּע 40 משפּחות לובלינער נייע עולים, וואָס זענען אין די יאָרן 1967—1970 געקומען קיין ישראל; אַז אונדזער ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין, עטאַבלירט פון מערי און יואל גאָלדמאַן, זענען געוואָרן אַ שם־דבר אין די ליטעראַרישע קרייזן אין ישראל און אַז 20 נויטבאַדערפטיקטע פאַמיליעס געניסן פון כסדרדיקע שטיצע, באַזונדערס אויף פּסח און ראש־השנה.

איך בין איבערצייגט, אַז די בערך 10 לובלינער משפּחות אין לאָנדאָן וועלן האָבן דעם געהעריקן אינטערעס און געפיל צונויפצוקומען זיך כאָטש איינמאָל אין יאָר אויף אַן אָנדענק־אַקט און דער עיקר — שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, באַזוכן די יידישע מדינה און דאָ זיך טרעפן מיט אונדז. אויף יענעם צוזאַמענטרעף איז אויך געווען אַ צוזאָג אַריינצושיקן יעדעס יאָר אַ באַשטייערונג פאַרן אירגון יוצאי לובלין.

אויך אין בעלגיע זענען פאַראַן געציילטע משפּחות לובלינער יידן, נאָר וועגן אַן אָרגאַניזירטער טעטיקייט איז נישטאָ וואָס צו ריידן. די פאַמיליעס וויעזשכאָווסקי און ראָזענבוש זענען אָפטע געסט אין ישראל און תמיד טרעפן זיי זיך מיט אונדז און גיבן אויך באַשטייערונגען. דאָס זעלבע — ד״ר ליכטפעלד, וואָס וווינט נישט אין בריסל, נאָר אין דער פּראָווינץ.

## אין פּאַריז

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די לובלינער און אומגעגנט אין פּאַריז, פריינד משה זאַלצמאַן, האָט אין דער אַרטיקער טאָג־צייטונג „אונדזער וואָרט״ פאַרעפנטלעכט אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן אונדזער באַזוך אין פראַנקרייך. איך בין אָבער נישט פריי פון אייניקע באַמערקונגען:

א. ביידע לאַנדסמאַנשאַפטן פירן אַ זייער אַקטיווע און קאָאָרדינירטע טעטיקייט און האָבן אַ גוטן נאָמען ביים ייִדישן ישוב אין פּאַריז.

ב. ביידע טוען אַלץ וואָס מעגלעך, אויף צו באַטייליקן זיך אינעם מגבית פּאַר ישראל — און זייער אָנטייל איז גאָר אַ באַדייטנדיקער.

ג. הגם קיין איינע פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן פירט נישט קיין סעפּעראַטע אונטערנעמונגען, נאָר אַלץ ווערט געטאָן צוזאַמען שוין עטלעכע יאָר, האַלט איך פאַר אַן אַנאַכראַניזם די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון צוויי לובלינער אָרגאַניזאַציעס, וואָס ביידע לעבן בשלום און פירן זייער אַרבעט אין האַרמאָניע און קאָאָפּעראַציע. עס וואָלט געווען אַ יושר, זיי זאָלן אַדורכפירן די פאַראייניקונג און שאַפן אַן איינהייטלעכע לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט.

אין פּאַריז גייט שוין פון לאַנג אַרום אַ ווערטל, אַז אַ גאַסט דאָרט פון אַ צווייט לאַנד, באַזונדערס פון ישראל, איז פאַרזיכערט מיט אַ יאָר קעסט, ווייל עס גייט ממש אין לעבן דעם רוב לאַנדסלייט מ׳זאָל ביי זיי אָפּשטאַטן אַ וויזיט, עסן אַן אָוונט־ברויט, צי אַ מיטאָג. אַזוי האָבן מיר באַזוכט די גאַסטפריינדלעכע היימען פון געניע און שמואל שפּירא, אלתר און פייגעלע זאָבערמאַן, זאָשע און ניומעק פערלמוטער, פאָלע און משה זאַלצמאַן, ביי די פאַמיליעס וואַראָ, האַס, ביי שרהלע גאָלדאַדלער, ביי דינהלע ראָטשטיין און איר מאַן — שוין אָפּגערעדט פון דער וווינונג, ווי דערמאָנט, ביי פאַני און זשאָרזש גאָרפינקעל (קראַשניק־לובלין), ביי בתיה אַבראַמאָוויטש (אייזנער), ביי רוזשקע און מרדכי לערמאַן און גאַנץ באַזונדערס — ביי יידל און גיטעלע עדעלשטיין־שילדקרויט. וויל איך אויף דעם וועג זיי אויסדריקן אונדזער דאַנק און אָנערקענונג.

## וואָס מיינט לאַנדסמאַנשאַפטן?

רעזומירנדיק מיינע רייזע־איינדרוקן און אָבסערוואַציעס פון יידישן לעבן אין זיבן לענדער, האָב איך אין אַן אַרטיקל אין „פאָלק און ציון״ (נומ׳ 6, ירושלים, אויגוסט־סעפּטעמבער 1975)

און אין דער העברעישער טאָג־צייטונג „על המשמר" (תל־אביב, 24.8.75) צוו. אנד. געשריבן וועגן לאַנדסמאַנשאַפטן:

א מאָדנע פאָלק, די יידן! נישט גענוג וואָס מ'איז צעשפּליטערט אויף פּאַרטייען און גרופּן, ווירקן נאָך אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן די... לאַנדס־מאַנשאַפטן. אַזוי אין ישראל, ווי אין די תפוצות, בילדן די אָפּשטאַמיקע פון איין שטאָט צי שטעטל אַ געשלאָסענעם קאָלעקטיוו, איינגעפּאַסט אין אַן אָרגאַניזאַ־ציאָנעלער רעם, מיט אייגענע בודזשעטן און סטאַטוטן, כדי זיך „אויסצולאָדן" פון דער נאָסטאַלגיע, סענטימענטן און דערינערונגען פון דער אַלטער היים און גלייכ־צייטיק ציען דעם גאַלדענעם פאָדעם פאַר אַקטועלער טעטיקייט צו העלפן דעם לאַנדסמאַן, דעם אָרטיקן ישוב און פאַר אַלעמען — מדינת ישראל.

...ביז היינטיקן טאָג זענען די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין כמעט אַלע אַן אויסנאַם תפוצות אַ וויכטיקער פאַקטאָר אָנצוהאַלטן און אַקטיוויזירן דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן. מען באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט די יערלעכע אזכרה־אַקטן און אויפשטעלן די מאָנומענטן לזכר די קדושים. מען האָט אויך געבויט און מען האַלט אויס פאַרשידענע אינסטיטוציעס, די זייער אָפטע צוזאַ־מענטרעפן ווערן פאַרוואַנדלט אין משפחהדיקע מסיבות, וווּ איינער טוליעט זיך צום אַנדערן, נאָך דעם ווי מ'איז געוואָרן אַזוי פאַריתומט און פאַראיינזאַמט. לאַנדסמאַנשאַפט סימבאַליזירט אפשר אויפן סאַמע בולטסן אופן דעם ווילן פון די יידן אָנצוהאַלטן היסטאָרישע פאָלגלעכקייט און נאַציאָנאַלן המשך. דער בונד מיטן עבר שטערט נישט דער וואַכזאַמקייט צו דער קעגנוואַרט. די פאַרוואָרפענע בריק צווישן נעכטן און היינט וועט אַן שום ספק שטאַרקן דעם מאָרגן...

שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, האָב איך קודם כל געהאַט פאַרן אויג אונדזערע לובליניער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט, וואָס צוזאַמען מיטן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל, דער־פילן זיי די אַלע אויפגאַבן, וועלכע עס פאָדערט פון אונדז די איצטיקע גורלדיקע צייט.

✡

פּ. ס.: ס'איז זייער מעגלעך, אַז אין מיין באַשרייבונג פון די באַזוכן אין 10 שטעט, האָב איך אוודאי אַדורכגעלאָזט געוויסע נעמען. בעט איך שוין מחילה, ווייל ס'איז געטאָן געוואָרן אָן שום כוונה. ווער איז דען מסוגל אַלץ און אַלעמען צו געדענקען פון אַזאַ וווּנדערבאַרער נסיעה?

(„קול לובלין" נומ' 10, נאָוועמבער 75')

# וואָס וועט זיין מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן?

די דאָזיקע פראַגע האָב איך געהערט סיי פון יידן וואָס זענען טעטיק אין אַ ריי לאַנדס־מאַנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און סיי פון אַזעלכע, וואָס דער ענין גייט זיין אַן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. נאָר בעת די ערשטע האָבן דערביי אַרויסגעבערענגט זאָרג און ציטער, איז עס ביי די צווייטע געווען באַגלייט מיט איראָניע און שאַדנפרייד. נאָר יעטוועדע פראַגע, אויב מ'איז נישט אויסן סתם קלאָץ־קשיות, פאָדערט אַ תשובה. ווי איינער וואָס איז עטוואָס באַקאַנט מיט דער טעמע, וויל איך ענטפערן אָט־וואָס:

א

די פאָלעמיק וועגן יאָ אָדער נישט לאַנדסמאַנשאַפטן, דערמאָנט מיר אין אַ געוויסער מאָס דעם וויכוח אַרום... יידיש. די אַנטי־יידישיסטן קוקן אויף די אַלע וואָס פאַרנעמען זיך נאָך

מיטן יידיש־וואָרט, ווי בטלנים אָדער חסר־דעהניקעס, פּונקט ווי די קעגנערס פון די לאַנדס־מאַנשאַפן באַציִען זיך מיט ביטול און חוזק צו די, וועמען ס'איז טייער דער אָנדענק פון דער אַלטער היים און אין זייער ליבשאַפט צום עבר, זעען זיי נישט קיין שום שטערונג אין דער קעגנוואַרט־אַרבעט. אויב די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור איז נישט מסוגל צו זיין היינט אַ שטערונג דעם העברעישן לשון, נאָר גראָד אַ דערגאַנצונג און אפילו אַן אָנשפּאַר — אַזוי אויך וועט אַ באַנייטע און פאַרשטאַרקטע טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן נישט זיין קיין שום אבן־נגף פאַר אַנדערע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס אין די תפוצות און אין ישראל. כל זמן די לאַנדסלייט פון וואַרשע און לובלין, פון קישינעוו און אָדעס, פון דמשק און קאַיר, פון פּראָג און אַטען, פון לאָדזש און ראַדאָם, פילן אַ באַדערפעניש צוזאַמען צו קומען אונטער איין דאַך און פירן אַן אַרבעט לטובת דעם כלל און דעם פּרט — מעג אויף זיי קומען אַ ברכה.

דאָס יידישע שטעטל אין אייראָפּע פאַרן חורבן, איז געווען אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר גייסטיקע ווערטן. מאָנומענטאַלע שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, טעאַטער און קונסט, זענען געבוירן געוואָרן אין אַן אַרומיקער, פיינטלעכער סביבה פון אָפּגע־שטאַנענקייט און דיסקרימינאַציע. מיטן אויסוואַנדערן מעבר לים, איז די דאַזיקע קייט נישט געוואָרן איבערגעריסן. די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן באַדאַרפט דינען ווי אַ המשך פון יענעם לעבנסשטייגער. נאָכן אומברענגען אין אייראָפּע אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, איז דאָך אוודאי געווען נויטווענדיק צו שאַפן נייע לאַנדסמאַנשאַפטן און אַקטיוויזירן די אַלטע. און זיי האָבן טאַקע אַריינגעשריבן אַ הערלעכן בלאַט געשיכטע פון קעגנזייטיקער הילף און רעקאָנסטרוקציע פונעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון פּראָ־ישראלדיקע אַקטיוויטעטן.

פאַר דעם עלטערן דור אימיגראַנטן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי די געקומענע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין די פאַר׳ שטאַטן, אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, אויסטראַליע, קאַנאַדע און אייראָפּעיִשע מדינות, איז דער ערשטער אַדרעס געווען די לאַנדס־מאַנשאַפט. דאָרט איז דער נייגעקומענער געווען פאַרזיכערט מיט ידיעות און הילף ביים איינאָרדענען זיך אויף אַרבעט, אין אַ דירה, דערוויסן זיך פון קרובים און פריינד. נאָר אויסער דער הילף פאַרן יחיד, האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער זאָרג פאַרן קאָלעקטיוו. פון יענער זייט אָקעאַן זענען דערהאַלטן געוואָרן באַדייטנדיקע געלט־סומען פאַר די באַדערפענישן פון אַ סך קהילות, זייערע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס אין מזרח־אייראָפּע. די אָפּשטאַמיקע פון אַ שטאָט אָדער שטעטל, אָרגאַניזירטע אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט, האָבן באַזאָרגט מיט דער זאָרג פאַר זייערע באַדערפענישן אויף די נייע וווינערטער, אויך נישט פאַרגעסן די אַלטע היים. עס האָבן זיך איינגעשטעלט קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען, בשותפותדיקע אינטערעסן. הילף אין יענער תקופה פונעם „פעטער פון אַמעריקע" האָט פאַר אַלעמען געמיינט — הילף פון די סאָסייטיס.

## ב

מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל און אַ דאַנק דער מאַסן־עליה אין די יאָרן 1948—1951, האָט אויך דאָ זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטע אַקטיוויטעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. די ניי־געקומענע האָבן קודם כל געזוכט שטעטישע, וואָס אָדער זיי האָבן באַנייט די טעטיקייט, אָדער אויפגעשטעלט אַ נייע אָרגאַניזאַציע. נאָר אויסער דער אַלגעמיינער, געוויינלעכער טעטיקייט, האָט דער רוב לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל געפונען פאַר נייטיק צו פאַראייביקן די יידישע קהילות, וועלכע די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אָפּגעווישט פון דער ערד. הונ־דערטער יזכור־ביכער זענען דערשינען אין ישראל; צענדליקער מאָנומענטן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין קרית שאול, נחלת יצחק און חולון; אייניקע מצבות אין „יער הקדושים" און די גרויסע צאָל אָנדענקשטיינער נאָך די קהילות אין „מרתף השואה" אין ירושלים, האָבן באַוויזן

דעם שטאַרקן ווילן פון דער שארית הפליטה נישט צו לאָזן אין פאַרגעסנקייט די מקומות פון וואַנען זיי שטאַמען. די גרויסע צאָל סטיפּענדיעס פאַר סטודענטן, פאַרשערס, שילערס אין לאַנד און אין אויסלאַנד, אויפן נאָמען פון דער אומגעבראַכטער קהילה, ווי אויך די ספּעציעלע קולטור־פאָנדן און ליטעראַטור־פּרעמיעס, וועלכע האָבן נישט איין יידישן צי העברעישן שרייבער דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן זיין בוך, מיט אַ דערמאָנונג, אַ דאַנק וועלכער לאַנדס־מאַנשאַפט דער ספר האָט דערזען די ליכטיקע שיין — איז אויך געווען אַ בכבודיקע פאָרם פון פאַראייביקונג און זכרון.

לאַנדסמאַנשאַפטן זענען אויך אַ פּראָדוקט פון עמאָציע, נאָסטאַלגיע, בענקשאַפט. כמעט דאָס איינציקע אָרט ווו די לעבן געבליבענע פון איין שטאָט, טוליען זיך איינער צום אַנדערן, זוכן דאָרט געזעלשאַפט און באַנייטע פריינדשאַפט פון דער אַמאָליקער היים. מיט אַ באַזונדערן יראת הכבוד מערקן אָפּ די פאַריתומטע און עלנטע בני־עיר די יאָרצייטן נאָך זייערע קדושים.

### ג

נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, האָב איך אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" געפונען אַ זייער לאַנגע רשימה פון צענדליקער סאָסייטיס וואָס האָבן געשאָנקען פאַר ישראל און איר אַרמיי מיליאָנען דאָלאַרן. אויך ביז דעמאָלט, ווי איצט, איז געוואַלטיק גרויס דער צושטייער פון די לאַנדסמאַנשאַפטן איןביידע אַמעריקעס, אייראָפּע און אויסטראַליע פאַרן פאַרייניקטן אַפּיל, באָנדס, אין די זאַמלונגען פאַר וויצאָ, מגן דוד אדום, הסתדרות, וועד למען החייל, יתומים־הייזער, ישיבות און פאַר אַנדערע אינסטיטוציעס אין ישראל. אַזוי אויך — די לאַנדסמאַנשאַפסטן אין ישראל, וואָס שענקען פון זייערע פאָנדן באַדייטנדקע סומעס פאַר צה"ל און אַנדערע וויכטיקע צוועקן. ס'איז אָבער נישט קיין סוד, אַז צוליב ביאָלאָגישע סיבות, האָבן אַ גרויסע צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אַזוי ווי די מנהיגים פון די אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט געזאָרגט באַצייטנס וועגן יורשים און אַנטשפּרעכיקער ירושה־איבערווייזונג, איז אַ גאַנץ אָנגעזעען פאַרמעגן פאַרלוירן געגאַנגען. די צייטונגען האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז עטלעכע קאָמיטעט־מיטגלידער פון געוויסע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק, האָבן צווישן זיך פאַרטיילט די פאַרבליבענע דאָלאַרן. צי דערוואַרט נישט, חלילה, אַן ענלעכער גורל די נאָך עקזיסטירנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן אין די תפוצות, ווי אויך — אין ישראל?

סיי לויט דער צאָל, ווי לויט דעם געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו וועלכן זיי פאַרמאָגן, זענען די לאַנדסמאַנשאַפטן געווען און זענען נאָך היינט אַ וואָגיקער כוח אין לאַנד ווי אין אויסלאַנד. אין מדינת ישראל עקזיסטירן איבער דרייסיק צענטראַלע דאַך־אָרגאַניזאַציעס פון אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע לענדער. אויסער דעם זענען פאַראַן אַ 200 לאַנדסמאַנשאַפטן, אָנגעשלאָסענע אינעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן און מעגלעך, אַז נאָך אַ 40 ביז 50 „מאַכן שבת פאַר זיך" און געהערן נישט צו וועלכער ס'איז צענטראַלער קערפּערשאַפט.

אויך אין ניו־יאָרק עקזיסטירן היינט־צו־טאָג אַ 1.200 לאַנדסמאַנשאַפטן (פון 2,500 מיט 20—30 יאָר צוריק). אין פּאַריז פונקציאָנירן צוויי דאַך־אָרגאַניזאַציעס פון פּוילישע יידן: די „פעדעראַציע" און דער „פאַרבאַנד". ביידע נעמען אַרום אָפּשטאַמיקע פון צענדליקער שטעט און שטעטלעך פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן. אויסער דעם אַרבעטן דאָרט עטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון די צפון־אַפריקאַנער יידן. עפּעס ענלעכס איז דאָ אין בוענאָס־איירעס, מאָנטרעאָל, סאַן־פּאַולאָ און טאָראָנטאָ. פאַר זיי אַלע וואָלט געווען אַ יושר, שוין איצט, זיך אַ נעם טאָן צו אייניקע דרינגענדיקע אויפגאַבן, כדי צו ראַטעווען דעם יש, אָפּהיטן דאָס פאַראַנענע, עס זאָל נישט אַריינפאַלן אין אומגעוווּנטשענע הענט. גלייכצייטיק דערפילן אַ רייַ אויפגאַבן, וואָס וועלן באַרעכטיקן דעם ווייטערדיקן קיום פון די לאַנדסמאַנשאַפטן:

1. אַדורכפירן ווי אַמשנעלסטן אַלע יורידישע פאָרמאַליטעטן, כדי צו פאַרזיכערן, אַז אין

פאַל פון זייער אויפלייזונג, זאָלן דערפון געניסן יידישע אינסטיטוציעס אויף די ערטער, אָדער אין ישראל. די אָנגעזאַמלטע מאַטעריעלע ווערטן פון די סאָסייטיס טאָרן נישט בלייבן הפקר!

2. ווייטער אָנגיין מיט דער פאַראייביקונג פון די אומגעבראַכטע קהילות מיט דער הילף פון: א) יזכור־ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן; ב) לערן־סטיפּענדיעס פאַר שילער און סטודענטן; ג) ליטעראַטור־פּרעמיעס פאַר שרייבערס און קינסטלערס; ד) אויסהאַלטן אַן עקזיס־טירנדיקע אינסטיטוציע, אָדער אויפשטעלן אַ נייע; ה) איניציאירן דאָס אָנרופן גאַסן און אינסטיטוציעס אויף די נעמען פון די פאַרשניטענע קהילות אין אייראָפּע.

3. אויפשטעלן אין ישראל אַ צענטראַלע עלטערן־היים (בית אבות) פאַר די מיטגלידער פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין די תפוצות און אין ישראל. לויט דעם בייטראַג פון יעדער סאָסייטי פאַר דעם צוועק, וועט איר פאַרזיכערט ווערן אַ צאָל בעטן אָדער צימערן אין דער עלטערן־היים.

4. זאָרגן דערפאַר, אַז מיטלשולן און פאָלקסשולן זאָלן אַדאָפּטירן אונטערגעגאַנגענע יידישע קהילות און די שילערס פון די לערן־אַנשטאַלטן זאָלן זיך באַטייליקן אין אַלע אונטערנעמונגען פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

5. אויפשטעלן אַ צענטראַלן אַרכיוו פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און אויפהיטן די מאַטעריאַלן אין ייוואָ אין ניו־יאָרק, יד ושם אין ירושלים און בית התפוצות אין תל־אביב.

## ד

בעתן שרייבן די שורות, האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון די צפון־אַפריקאַנער יידן אין ישראל, צו באַטייליקן זיך אינעם קבלת־פּנים לכבוד יצחק נבון, דעם 5טן נשיא פון מדינת ישראל. אונטער דער דערמאָנטער איינלאַדונג זענען אויך געווען אונטערגעשריבן אַ דריי צענדליק צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס נעמען אַרום יידישע שבטים און עולים פון לענדער און שטעט: אַביסיניע, פּערסיע, אַמעריקע און קאַנאַדע, ראַטן־פאַרבאַנד, בוכאַרער יידן, ענגלאַנד, אויסטראַליע און ניו־זילאַנד, גרוזיע, דרום־אַפריקע, דמשק, אונגאַרן, אינדיע, האָלאַנד, גריכנלאַנד, קורדיסטאַן, ליביע, מאַראָקאָ, עגיפּטן, סיריע, פּוילן, פראַנקרייך, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע, טערקיי, טוניס, תימן און נאָך און נאָך.

נישט איין לייענער וועט שטוינען פון דער דאָזיקער לאַנגער רשימה און אוודאי אויך באַנוצן דאָס וואָרט „אומגלויבלעך", אָדער „היתכן"?!... דווקא אין ישראל, וווּ אַלע שטרעבן צו פאַרוואַנדלען דעם קיבוץ גלויות אין אַ מיזוג גלויות, זאָל אויסער דער צעשפּליטערונג אויף פאַרטייען און פאַרטייעלעך, נאָך אָנהאַלטן אַזאַ צעדריבלונג פון כוחות און יעטוועדע גרופּע עולים פון אַ לאַנד צי פון אַ שטאָט, זאָל זיך אויסלעבן אין אַן אייגענער לאַנדסמאַנשאַפט?

נישט אַנדערש, אַז די אָפּשטאַמיקע פון איין מדינה אָדער אָרטשאַפט, זענען באַהערשט פון אַ מין קאָלעקטיוויסטישן „דיבוק" און ווילן זיך האַלטן צוזאַמען אויף די נייע וווינערטער, ווי דאָס האָט באַוויזן די ביז איצטיקע דערפאַרונג אין ניו־יאָרק ווי אין תל־אביב, אין פּאַריז, ווי אין בוענאָס־איירעס. זיי ווילט זיך אויסלעבן אין אַן אייגענער, היימישער אָרגאַניזאַציע, מיט בודזשעטן, סטאַטוטן, „פּרעזידענטן", און דער עיקר — מיט אַ סך סענטימענטן און זכרונות פון דער אַלטער היים. אַזאַ סאָרט צעשפּליטערונג שטערט נישט קיינעמען. פאַרקערט: זי שפּאַנט איין אינעם געזעלשאַפטלעכן וואָגן נאָך און נאָך טוערס, שפּענדערס, יידן וואָס אפשר דערפאַר וואָס זיי לעבן נאָך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, זענען זיי גרייט זיך ווידמען דער קעגנוואָרט, כדי דער מאָרגן זאָל אויסזען בעסער ווי דער נעכטן... און אַממיינסטן פאַרדינט דערפון מדינת ישראל!

אין יענע מקומות אין די תפוצות, וווּ עס ווירקן און זענען אַקטיוו די לאַנדסמאַנשאַפטן, האָט דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אַ גאָר אַנדערן פּראָפיל. הויכע אידענטיפיצירונג

מיט ישראל און אָרטיקע אויפטועז, זענען דער סימן מובהק פון דער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער טעטיקייט. דאַקעגן אין אַזעלכע שטעט ווי לאָנדאָן, בריסל, שיקאַגאָ אָדער סידני, ווו ס׳עקזיסטירן נישט כמעט קיין סאָסייטיס — האָט אונדזער יידיש לעבן אַ גאַנץ אַנדערן פּנים...

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט אוודאי האָבן אַ זייער דאַנקבאַרע, אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע טעמע צום באַאַרבעטן, אויב ער וועט זיך אַ נעם טאָן צו די... לאַנדסמאַנשאַפטן: ווען, ווי אַזוי און צוליב וואָס זענען זיי אַנטשטאַנען; צי איז געווען נייטיק און באַרעכטיקט צו שאַפן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס און זיי אַנטוויקלען. נאָר אונדז אינטערעסירט דערווייל די אַקטועלע פראַגע: צי האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן אויך היינט עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג? איז נאָך געבליבן פאַר זיי „באַשעפטיקונג״?

אונדזער ענטפער איז: אוודאי! נאָך ווי אַזוי!

(י״ש ת״א, 28.6.78)

# דער יחוס־בריוו פון ווישקאָוו

ווי לאַנג עקזיסטירט ווישקאָוו? ווי אַזוי האָט זיך פאָרמירט די געשיכטע פון שטעטל?

נישט שווער צו ענטפערן אויף ביידע פראַגן. די פוילישע היסטאָרישע ליטעראַטור, ווי אויך ענציקלאָפּעדיעס און לעקסיקאָנען פון גרויסע אייראָפּעישע מדינות, האָבן דעם קליינעם שטעטל אויפן בוג געווידמעט זייער אַ סך אָרט, פאָרשונגען און גרעסערע אָפּהאַנדלונגען. די פאַראַנענע מאַטעריאַלן אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין וואַרשע דערציילן בפרטיות די געשיכטע פון ווישקאָוו. הגם די יידן פון שטעטל ווערט נישט אָפּגעגעבן צופיל אָרט, איז אויך פון די ווינציקע אָנגאָבן צו דרינגען, אויף ווי ווייט אחינו בני ישראל זענען דאָ, פונקט ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון פוילן, געווען פאַרוואָרצלט אין משך פון יאָרהונדערטער. אָבער נישט אויף אַזויפיל, אַז די וואָרצלען זאָלן קאָנען אויסטראָגן די פאַרשידענע רדיפות, נגישות און פּאָגראָמען. אַ ז אַ ווידערשטאַנד־קראַפט האָבן יידן אויפן פוילישן באָדן נישט געהאַט. און ווישקאָוו איז נישט געווען קיין אויסנאַם.

צום ערשטן מאָל ווערט ווישקאָוו דערמאָנט אין קאָנראַד׳ס דאָקומענטן פון יאָר 1302. צווישן די אויסגערעכנטע דאָרט ביסקופּישע גיטער, ווי: טוכלין, גורא, בעלינא און טורינא (טוזשין), געפינט זיך אויך — ווישקאָוו. (בראָניסלאַוו כלעבאָווסקי: דאָס שטעטל ווישקאָוו. געאָגראַפישער ווערטער־בוך פון קרוין־פוילן. 14־טער באַנד, וואַרשע, 1895, ז״ז 147—148).

ס׳ווערט דאָרט דערציילט:

ווישקאָוו, אַ שטאַטישע זידלונג, פריער — אַ שטעטעלע אויפן רעכטן ברעג פון טייך בוג, פולטוסקער פּאָוויאַט, דערווייטערט פון צפון־מזרח 27 קילאָמעטער פון סעראָצק און 45 קילאָמעטער פון יאַבלאָננע. ליגט עטלעכע קילאָמעטער נידעריקער פון קאַמיענטשיק, וואָס אויפן לינקן ברעג בוג. אַ באַן־סטאַציע. פאַרמאָגט אַ געמויערט קלויסטער פון דער פּאַראַפּיע, אַן אָנפאַנג־שול, אַ גמינע־אַמט און אַ פּאָסט־אַמט. איבער 150 הייזער און מער ווי דריי טויזנט איינוווינער, די מערהייט — יידן. אין יאָר 1827 זענען געווען 102 הייזער און 1283 איינוווינער, אין יאָר 1864 — 108 הייזער, צווישן זיי — 8 געמויערטע. 2345 איינוווינער, צווישן זיי — 543 יידן. ליגט ביים שאָסיי וואָס פירט פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק. ס׳בויט זיך איצט אַן אייזנבאַן־ליניע וואָס דאַרף באַהעפטן וואַרשע מיט אָסטראָלענקע און וועט אַדורכגיין דורך דער ווישקאָווער סטאַציע. איבערן בוג וועט מען אויפבויען אַן אייזערנע בריק.

ווישקאָוו איז אַן אַלטערטימלעכע זידלונג און אייביק אייגנטום פון דער פּלאָצקער קירכע.

דער מאַזאָווישער פירשט טריידאָם האָט פאַרכאַפּט ווישקאָוו, מיטן קלויסטער אויפן בוג און קאַמיאַן אויפן ווייסל, ווי אויך טאַרגאָווע נעבן קאַמיאַן וואָס הינטער וואַרשע. די זין פון פירשט טריידאָם — זשעמאָוויט און קאַזשימיעזש, האָבן די אַלע גיטער אומגעקערט די ביסקופן.

דערפאַר האָבן די לעצטע צוריק אָפּגעגעבן די פירשטן דאָס דאָרף ווישקאָוו אויף 8 יאָר (לויטן אַקט פון יאָר 1347, צונויפגעשטעלט אין טשערווינסק) און זיי פאַרפליכטן זיך נאָך דער צייט דאָס אומצוקערן דער קירכע („לאָקאַטאַם עט אינפאַרמאַטאַם"), לויטן מאַזאָווישן קאָדעקס 58 און 59.

די פלאָצקער ביסקופן האָבן פון לאַנג דאָ אויסגעבויט זייער פאַלאַץ און אָפט אין אים פאַרברענגט. אין 1502 האָט דער ביסקופּ ווינצענטי פשערעמבסקי באַשאַנקען די זידלונג מיט שטאָטישע (א. ג. כעלמינסקע) רעכט, וואָס האָבן באַפרייט די איינוווינער פון יעטוועדער צוואַנג־דינסט.

זיגמונט דער ערשטער האָט דערלויבט די ווישקאָווער אויפבויען אַ בריק איבערן בוג און נעמען אַ אָפּצאָל פאַרן אַדורכפאָרן די בריק. זיגמונט דער דריטער האָט אין יאָר 1599 געגעבן רעכט די אַרטיקע צעכן.

אין יאָר 1657 האָבן די שוועדן פאַרניכטעט דאָס שטעטל. די מגיפה וואָס איז דאַן אויס־געבראָכן, האָט פאַרענדיקט דעם חורבן.

סטאַניסלאַוו אַוגוסט האָט דערפילט די ביטע פון פלאָצקער ביסקופּ מיכאל פּאָניאַטאָווסקי און לגמרי אָפּגעשאַפט די אָפּהענגיקייט פון ווישקאָוו פון די ביסקופן און אין יאָר 1871 איינגעפירט טאָרגן און יאַרידן. די מיעשטשאַנעס, שטיצנדיק זיך אויף באַקומענע פּריווילעגיעס, האָבן זיך מערער נישט געוואָלט אונטערוואַרפן די ביסקופן. ביי די אָפטע שטרייקן, וואָס זענען צוליב דעם אויסגעבראָכן צווישן די ביסקופן און די מיעשטשאַנעס, האָבן תמיד פאַר־מיטלט קאָמיסאַרן, באַשטימטע דורכן קעניג.

דער פאַלוואַרק ווישקאָוו, וואָס גייט אַריין אין באַשטאַנדטייל פון די רעגירונגס־גיטער, ווישקאָוו מיט דער גמינע און פאַראַפיע האָט פאַרמאָגט אַ שטח פון 16,628 מאָרג און 7,693 איינוווינער, צווישן זיי: 6 פּראַוואָסלאַווני, 21 פּראָטעסטאַנטן און 2,682 יידן, איבערהויפּט אין שטעטל גופא.

דער פאַלוואַרק ווישקאָוו, וואָס גייט אַריין אין באַשטאַנדטייל פון די רעגירונגס־גיטער, האָט אין יאָר 1876 פאַרמאָגט אַ שטח פון 1,280 מאָרג; וואַלד — 20,654 מאָרג.

די גמינע ווישקאָוו גרענעצט זיך מיט די גמינעס: גרעמבקאָוו, אוסאַוונאַ באַזשע און רוכנאַ. אין באַשטאַנדטייל פון דער גמינע גייען אַריין: דאָמבראָווע, גראָדזשיסק, מראָטשקי, אָשטשזשע, פּיעזשכאַלי, פּאַלקאָוו, פּרושעוו, פּרושעווסקאַ, וואָלקאַ, סוכאָדאָלי, וויטאַנקי, ווישקאָוו, זאַלעשע און זשאַמאָקי.

אין יאָר 1886 דערציילט דער זעלבער „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני" (באַנד 13, ז"ז 232) וועגן אַן אָבעליסק מיטן הערב פון די וואַזאָ'ס אין ווישקאָוו.

קאָרל פערדינאַנד, דער פערטער זון פון קעניג זיגמונט דעם דריטן (וואַזאַ), פלאָצקער ביסקופּ, איז אין די לעצטע יאָרן זיינע געווען אַ מעלאַנכאָליקער. (יוליאַן באַרטאָשעוויטש: פירשטן־ביסקופּן. וואַרשע, 1851). אַרומפאָרנדיק איבער זיינע גיטער, איז אים געפעלן געוואָרן די וואַלדיקע געגנט אויפן טייך בוג, דאָס שטעטל ווישקאָוו וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון וואַרשע. דאָ האָט ער זיך אויסגעבויט אַ באַקוועמע וווינונג און זיך באַזעצט. דאָ איז ער געשטאָרבן אין יאָר 1655. זיין טויטער קערפּער איז צום ערשט איבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע און דערנאָך — קיין קראָקע, אין די קעניגלעכע קברים אויפן וואַוועל.

ווען דער שוועדישער קעניג גוסטאַוו אַדאָלף האָט אָקופּירט פּוילן, איז ווישקאָוו, טראָץ דעם וואָס זי איז געווען באַפעסטיקט מיט אַ שוץ־מויער און וואַך־טורעמס, אינגאַנצן פאַרברענט

געוואָרן. נישט ווייט פון שטעטל, נעבן אַמאָליקן טראַקט וואָס פירט פון וואַרשע קיין ליטע, שטייט אויף אַ געגנוג פּאַרמיקן פונדאַמענט, אַ נישט־גרויסער אָבעליסק פון גראָען, היימישן מאַרמאָר. נישטאָ אויף אים קיין שום אויפשריפט, אויסער דעם קעניגלעכן הערב פון די וואַזאַ׳ס: אַ בינטל אויף אַלע פיר זייטן פונעם דענקמאָל, אויסגעהאַקט מיט אַ גראַבער דאַלאָטע. אַ צווייטער ענלעכער אָבעליסק, אויך מיטן הערב פון די וואַזאַ׳ס, איז געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט ווישקאָוו. דער שטיינהאַקער, אויסקריצנדיק אויף אים דעם הערב פון די וואַזאַ׳ס, האָט אויף אַ מאָדנעם אופן, אפשר אומווילנדיק, פאַראייביקט דעם פאַמיליע־נאָמען וואַזאַ מיט זייער הערב, אַז גיכער האָט עס די געשטאַלט פון אַ קריג מיט צוויי אויערן, איידער פון אַ בינטל. מיט אַ 40 יאָר צוריק האָט דער פּראָבאָשטש אַוועקגעשטעלט אויפן פיעדעסטאַל בלויז דעם פּיראַמידאַלן שפּיץ און אינדערמיטן אַריינגעזעצט אַ קאָמפּאַס מיטן הערב.

צוזאַמען מיטן שטעטל זענען אויך פאַרברענט געוואָרן אַלע אַקטן און שריפטלעכע באַווייזן לזכר די דענקמעלער וואָס מ׳האָט אויפגעשטעלט.

די אָבעליסקן און אויפשריפטן זענען שטום און דערציילן גאָרנישט. בלויז פון די הערבן קאָן מען זיך אָנשטויסן, אַז זיי זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורכן פּירשטלעכן ביסקופּ פון דער פאַמיליע וואַזאַ. אָן אַרטיקע לעגענדע גייט איבער, אַז דאָס איז אַן אָנדענק פון אַ צוזאַמענטרעף פון צוויי ברידער, קעניגלעכע זין, איינער פון וואַרשע און דער אַנדערער פון דער דעמאָלטיקער ליטע. מען ווייסט אויך צו דערציילן וועגן פאַנטאַסטישע אוצרות וואָס געפינען זיך איינגעמויערט אין די אָבעליסקן און ווערן געהיטן דורך שדים. דאָס איז אויך געווען די סיבה פון פונאַנדערנעמען איינעם פון די דענקמעלער. מען האָט אָבער קיין שום באַהאַלטענעם אוצר ווי אויך דאָקומענטן — נישט געפונען. זעט אויס, אַז די גרויסע רייכטימער וואָס דער קעניגלעכער ביסקופּ האָט פאַרמאָגט און געהאַלטן זיי אין איין פאַרמערן ביזן סוף פון זיין לעבן, האָבן צעשפּילט די פאַנטאַזיע ביי מענטשן וועגן איינגעמויערטע אוצרות.

דאַקעגן סטווערין פון ווישקאָוו, אין זיין „היסטאָרישע סקיצע פון דער שטאָט ווישקאָוו" (אַרויסגעגעבן דורך היפּאָליט סקימבאָראָוויטש אין יאָר 1841, ז״ז 13—16, 25—32, 50—52), איז זיך אַזוי משער מכוח דעם באַטייט פון ביידע אָבעליסקן אין שטעטל:

„אַביסל הינטער דער שטאָט, נעבן דעם אַמאָליקן וואַרשעווער טראַקט, שטייט אַ דענקמאָל אין פאָרם פון אַן אָבעליסק, 18 מעטער די הייך, פון גראָען מאַרמאָר, אָן שום אויפשריפטן, נאָר מיטן הערב פון די וואַזאַ׳ס, דער אויבערשטער טייל איז שוין פאַרניכטעט דורך דער צייט. אַ צווייטער דענקמאָל, נאָר מיט אַן אַנדערן הערב פון די וואַזאַ׳ס, איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט שטאָט. ער איז אָבער אויף אַ באַרבאַרישן אופן פאַרניכטעט געוואָרן דורך אַן אומבאַקאַנטער האַנט און זיינע רעשטלעך וואַלגערן זיך נאָך אַלץ אויפן קלויסטער־בית־עולם. דורך וועמען און ווען די דענקמעלער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן — ווייסט קיינער נישט. קיין שום אַקטן אין די קלויסטערס און שטאָטישע אַנשטאַלטן — זענען נישט געפונען געוואָרן.

נאָר די לעגענדע דערציילט, אַז די צוויי דענקמעלער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך די צוויי גרויסע עפּידעמיעס, וואָס שיינט צו זיין העכסט וואַרשיינלעך, צוליב די דאָפּלטע צלמים וואָס געפונען זיך אויף זייער שפּיץ".

דער דערמאָנטער סטווערין פון ווישקאָוו הייבט אָן זיין היסטאָרישן איבערזיכט מיט אַ ציטאַטע פון אַ ליד:

אונטער מיינע פיס, מיט געזילבערטע פערל / שווימט דער אַלטער בוג, / אַרום־און־אַרום מיט צעשמייכלטן גרינס / איז באַוואַקסן דער ברעג.

(„פּשעגלאָנד וואַרשאַווי", 10־טער העפט, 1890).

און ווייטער: אין פּולטוסקער קרייז, אויף ליטווישער ערד, אויף אַ הויכקייט, וואָס ביי איר צופוסנס קאָלערט זיינע ערנסטע שטראָמען דער אַלטער בוג — דער גאַנגעס פון די אוראַלטע סלאַוון, ליגט דאָס שטעטעלעווישקאָוו, וואָס מיט איין אָרעם גרייכט עס ביזן סאָמע טייך.

ווינצענטי פּשערעמבסקי מיטן הערב „נאַווינאַ", דער קרוין־קאַנצלער און פּלאָצקער ביסקופּ, האָט אין פּרייטיק פון דער וואָך „יודיקאַ", דערהויבן אין יאָר 1502 דאָס דאָרף ווישקאָוו, וואָס האָט באַלאַנגט צו די ביסקופּן, צו דער מדרגה פון אַ שטאָט און זי באַשאַנקען מיט פאַלגנדיקע פּריווילעגיעס:

1. די שטאָט זאָל הייסן נישט אַנדערש ווי ווישקאָוו.

2. באַפרייען די מיעשטשאַנעס פון אַלע צוואַנג־אַרבעטן און פליכטן. זיי דאַרפן בלויז צאָלן שטייערן.

3. דעם מאַגיסטראַט האָט ער געגעבן די רעכט צו קאָנטראָלירן די מאָסן און וואָגן, מיט דער מעגלעכקייט צו באַשטראָפן פאַר פעלשונגען, לויט די כעלמינער געזעצן — און די איינקונפטן דערפון באַשטימט פאַר עפנטלעכע באַדערפענישן.

4. אַ פרייען צוטריט פאַר די מעשטשאַנעס אין די ביסקופּישע וועלדער, צו נעמען געהילץ פאַר זייערע און שטאָטישע באַדערפענישן.

5. צוגעטיילט דער שטאָט לאָנקעס.

6. פון די איינקונפטן פון באָד, פון קליידער־געשעפטן אָרום אָדער אין דעם ראָטהויז, פון שאַרפע געטראַנקען אָדער סחורות, האָט ער יעדן דריטן גראָשן באַשטימט פאַר דער שטאָט.

7. דערלויבט די שטאָטישע איינוווינער צו פאַנגען מיט קליינע נעצן פיש אין טייך בוג.

8. די שטאָט ווישקאָוו האָט ער אויסגעגלייכט מיט די רעכטן פון דער שטאָט פּולטוסק, איבערלאָזנדיק זיך די רעכט אַליין צו באַשטימען דעם בירגערמייסטער און די ראָטמענער.

די אָריגינעלע אַקטן פון די פּריווילעגיעס זענען פאַרברענט געוואָרן, נאָר די קאָפּיעס האָבן זיך געפונען אין די ביסקופּישע אַרכיוון.

די פּריווילעגיעס פון קעניג זיגמונט דעם ערשטן, געגעבן דער שטאָט ווישקאָוו אויפן פּיאָטרקאָווער סיים אין יאָר 1533, אַלס גלייכבאַרעכטיקטע מיט אַלע אָנפאַנג־שטעט, זענען דעם 6־טן יאַנואַר 1557 באַשטעטיקט געוואָרן אין וואַרשע דורכן קעניג זיגמונט אויגוסט.

אין יאָר 1528, אין דער צייט פון פּיאָטרקאָווער סיים, האָט די שטאָט ווישקאָוו באַקומען פון קעניג זיגמונט דעם ערשטן די דערלויבעניש צו בויען אַ בריק איבערן בוג, מיט דער רעכט צו נעמען אַן אָפּצאָל לטובת די פּלאָצקער ביסקופּן פאַרן אַדורכפאָרן די בריק.

די צעשפּרייטקייט פון אַמאָליקן ווישקאָוו, ווי אויך אירע גרענעצן, זענען נישט באַקאַנט.

ערשט דער דעקרעט פון אַ „קאָמיסיע פאַר גוטער אָרדענונג" האָט אין יאָר 1775 אויף שטענדיק באַשטימט 3 אַקערפעלדער צו 12 וולאָך כעלמינסקער מאָס, ווי אויך 73 פּלעצער צו 73 מאָרג.

די גרייס פון ווישקאָוו איז, זעט אויס, אַ פּיל פאַרנעמיקע, ווייל אויף די אָרומיקע פעלדער קאָן מען נאָך היינט אָנטרעפן פונדאַמענטן פון מויערן און שוץ־טורעמס. די לעגענדע זאָגט אויך, אַז ווישקאָוו האָט געגרייכט ביזן דאָרף ריביענקאַ.

אין יאָר 1841 איז ווישקאָוו געווען אַ קליין שטעטעלע פון 95 הילצערנע און 8 געמויערטע הייזער, אין וועלכע ס׳האָבן געוווינט 1149 „קעפּ" — מער ווי אַ העלפט יידן. דער הערב איז אין דער פאָרם פון אַ דאָרפשער גראַביע.

אַמאָל האָט די שטאָט באַזיצט אַ ראָטהויז, געבויט פון האָלץ, וועלכן מ׳האָט פונאַנדערגענומען אין יאָר 1806, כדי צו שטעלן אַ בריק פאַרן אַריבערגיין פון מיליטער איבערן בוג. אָבער נאָך דעם האָט מען די בריק פאַרברענט.

דאָס שטעטל פֿאַרמאָגט נישט קיין שום פֿאַבריקן. אינדערמיט פֿוןווישקאָוו שניידט דורך אַ שאָסיי, וואָס פֿירט פֿון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק. דאָס גאַנצע שטעטל איז ברוקירט, וואָס שטערט נישט, אַז עס זאָלן אויך זיין בלאָטעס. אין די פֿינצטערע נעכט איז עס באַלויכטן מיט עטלעכע לאַמטערנס.

אַ קליין טייכל, אויף וועלכן עס געפֿונען זיך צוויי בריקן, טיילט אָפּ ווישקאָוו פֿונעם דאָרף נאַדגוזשע. באַלד נאָכן בריק, אויפֿן אָרט ווו דאָס טייכל פֿאַלט אַריין אין בוג, שטייט אויף אַ באַרג איינער פֿון די עלטסטע קלויסטערס אין פּוילן, וועלכער גרייכט נאָך די צייטן פֿון באָלעסלאַוו כראַברי, אָדער זיין נאָכפֿאָלגער — און איז שוין צוויי מאָל רעסטאַווירירט געוואָרן. דער איצטיקער, געמויערטער קלויסטער, איז אָנגעהויבן געוואָרן אין יאָר 1790 און פֿאַרענדיקט אין יאָר 1793, פֿאַרן געלט פֿון קרישטאָף הילאַרי שעמבעק, דעם פּלאָצקער ביסקופּ.

די כאָליערע, וואָס האָט אין די יאָרן 1581, 1634, 1708 און 1710 אויסגעליידיקט די פּוילישע פּראָווינצן, האָט אויך נישט אויסגעמיטן ווישקאָוו. די לעצטע עפּידעמיע אין די צייטן פֿון לודוויג זאַלוסקי, דעם פּלאָצקער ביסקופּ (1722), האָט אינגאַנצן אויסגעליידיקט ווישקאָוו פֿון מענטשן און בהמות.

און דאָ דערלויבט זיך דער היסטאָריקער אויף אַ מיאוסן, אַנטיסעמיטישן אויסברוך, באַשולדיקנדיק די יידן אין דער אויסגעבראָכענער מגיפֿה:

„די כאָליערע אין יאָר 1831 — שרייבט סעווערין פֿון ווישקאָוו — איז געווען אַ גאַנץ „לייכטע", אָבער שוין אין יאָר 1837 האָט זי אַרויסגערופֿן אַ פּאַניק, איבערהויפּט אין שטעטל פֿול מיט יידן, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט ריינקייט. ווען מען האָט די לעצטע אַרויסגעטריבן אין די וועלדער, האָט זיך די מגיפֿה אָפּגעשטעלט".

די הויפּט־פּרנסה פֿון די איינוווינער איז געווען פֿון ערד־אַרבעט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. דאָקעגן דער טייך בוג, וואָס איז פֿאַרקער־פּעיק, האָט געגעבן גרויסן ריווח די איינוווינער דורכן ביימער־ספּלאַוו פֿון די אַרומיקע וועלדער — קיין דאַנציג. אָבער אויך דאָס האָט נישט באַוויזן צו דערהייבן זייער אָרעמען לעבנסניוואָ.

דער כאַראַקטער פֿון די איינוווינער צייכנט זיך נישט אויס מיט קיין שום ספּעציעלס, צוליבן כסדרדיקן צופֿלוס פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿאַרשידענע אַרמייען. דאָס אָפֿטע בייטן זיך פֿון די רעגירונגען אין פֿאַריקן און אין איצטיקן יאָרהונדערט, האָבן איבערגעלאָזט אויף דער שטאָט נישט־אָפּמערקבאַרע צייכנס.

נידעריקער פֿון פּאָלוואַרק געפֿינט זיך אַ גרויסער זאַלץ־לאַגער, אויפֿגעבויט דורך דער פּרייסישער רעגירונג, פֿול מיט בערלינקעס, וועלכע ברענגען פֿון וויעליטשקע און טשענסטאָ־כאָוו זאַלץ, וואָס איז איצט אַזאַ לעבנסוויכטיקער פּראָדוקט פֿאַר אַלע.

פֿרילינג זעט דער טייך אויס זייער אָנגענעם מיט די טויזנטער אַדורכשווימענדיקע שיפֿלעך, אָנגעפֿולטע מיט גאָלדענעם ווייץ פֿון וואָלין און טראַטועס מיט האָלץ, וואָס איילן צום באַלטישן ים...

## ווישקאָוו אין אַנדערע מקורות

אַזוי ווערט געשילדערט די געשיכטע פֿון שטעטל אין דער פּוילישער היסטאָרישער ליטעראַטור. אָבער אויך ערנסטע וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבעס אין פֿאַרשידענע לענדער האָבן נישט פֿאַרזען ווישקאָוו און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי סטאַטיסטישע אָנגאַבן פֿון שטעטל אין פֿאַרשידענע צייטן. אין מעיערס לעקסיקאָן, דערשינען אין יאָר 1930 אין לייפּציג (צוועלפֿטער באַנד, ז' 1631), ווערט געזאָגט: ווישקאָוו, אַ שטאָט אין דער פּוילישער וואָיעוואָדעשאַפֿט וואַרשע, קרייז פּולטוסק. אין יאָרן 1921 — 9,084 איינוווינער, אַ העלפֿט דערפֿון — יידן. געפֿינט זיך אויפֿן בוג און באַן־ליניע טלושטש—אָסטראָלענקע. גלאָז־אינדוסטריע.

אין פּאַריזער „לאַרוס" (1939, באַנד 6, ז' 1631) ווערט די צאָל איינוווינער פוןווישקאָוו אָנגעגעבן אויף 10,050, מיט פאַבריקן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים און מאַשינען. אין ריטערס געאָגראַפיש־סטאַטיסטישן לעקסיקאָן, דערשינען אין לייפּציג מיט הונדערט יאָר צוריק (ז' 883, פינפטע אויפלאַגע), געהערט נאָך ווישקאָוו צו רוסלאַנד און ליגט אין דער... פלאָצקער גובערניע. די צאָל איינוווינער — 1,290. און אין דעמזעלבן לעקסיקאָן, נאָר דערשינען אין יאָר 1910 (ניינטע אויפלאַגע, באַנד 2, ז' 1302), באַלאַנגט ווישקאָוו צו דער לאָמזשער גובערניע.

מערער ידיעות וועגן יידן גיט אָן די „יעוורעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" (פינפטער באַנד, ז' 865, ס. פּעטערבורג): ווישקאָוו — אַ ישוב אין דער פּולטוסקער גובערניע. יידן האָבן דאָ נישט אָנגעטראָפן אויף וועלכע ס'איז שוועריקייטן ביים באַזעצן זיך. אין יאָר 1856 — 1,023 יידן, 512 קריסטן. אין יאָר 1897 — 5,038 איינוווינער, פון זיי — 3,207 יידן.

אַ נישקשהדיקער יחוס־בריוו פון אַ שטעטל. ליידער, איז די געשיכטע פון יידישן ווישקאָוו ברוטאַל און גרויזאַם איבערגעהאַקט געוואָרן אין די ערשטע טעג סעפּטעמבער 1939, מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זינט יענער דאַטע, איז עס פאַר יידן נישט מער קיין געשיכטע פון אַ ישוב, נאָר קנאות איבער אַן אויסגעהרגעטער יידישער קהילה. דער היסטאָרישער דענקמאָל פון ווישקאָוו זענען שוין נישט די אָבעליסקן פוןביידע זייטן שטעטל, וואָס מען ווייסט נישט גענוי לזכר וועמען מ'האָט זיי אויפגעשטעלט. איצט, אין יאָר 1964, אין דער גרעסטער שטאָט פון דער יידישער מדינה, אין תל־אביב, האָבן מיר אויפגעשטעלט אַן אַנדערן „אָבעליסק" — „ספר ווישקוב", צום אָנדענק פון אַן אַקטיוון שעפערישן יידישן קיבוץ, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט חסידישקייט און וועלטלעכקייט, מיט ציוניזם און סאָציאַליזם, מיט פּאָלקסטימלעכקייט און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן.

זאָל דאָס בוך־מצבה דינען אַלס דערמאָנונג די לעבנגעבליבענע, אַרויסרופן ביי זיי דערינערונגען און געריירטקייט, טיפן טרויער און אַ פאַרביטערטע טרער איבערן גורל פון אַ יידישן ישוב וואָס איז מער נישטאָ...

(ספר ווישקאָוו, ת"א 1964)

# יידיש־פּויליׂשע באַציאונגען אין קוטנע

עס ליגן פאַר מיר אייניקע דאָקומענטן און צייטונגען, דאַטירט פון יאָר 1925: אָפּשריפטן פון אינטערפּעלאַציעס צום קוטנער שטאָטראַט מצד די יידישע ראַטמענער. צוויי פּלאַקאַטן מיט אַן אַנטיסעמיטישן אינהאַלט; די נומערן פון 1 ביז 12 פונעם וואָכנבלאַט „גלאָס קוטנאָווס־קי" — „אומאָפּהענגיקע אויסגאַבע פאַר אַלע", פון 23סטן אויגוסט ביזן 8טן נאָוועמבער 1925; 3 נומערן (36, 40 און 46) פונעם „טיגאָדניק קוטנאָווסקי" — „געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישער און ליטעראַרישער אָרגאַן געווידמעט דער עיקר לאָקאַלע ענינים און פון דער נאָענטער געגנט", דאַטירט פון 6.9.25 ביזן 15.11.25, מיט דער איבערשריפט איבערן קאָפּ פון דער צייטונג „מיר נעמען אָן אַנאָנסן נאָר פון קריסטלעכע פירמעס" און צוויי נומערן פון דער וואַרשעווער טעגלעכער פּוילישער צייטונג „גאַזעטאַ פּאַראַננאַ" — „דוואַ גראָשע", פון 3.9.1925 און 19.9.1925.

פאַרטיפנדיק זיך אין די אַלע פּאַפּירן, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק די דערציילונג פון ד"ר נחום ניר, וויצע־פּאַרזיצער פון כנסת און וועטעראַן פון פּועלי־ציון, וועגן אַ דיסקוסיע וואָס ער האָט פאַר דער מלחמה געפירט אין ארץ־ישראל מיט אַן אָנפירנדיקן ציוניסט. דער לעצטער האָט אים געזאָגט, אַז „אַ קעלבל, וואָס ווערט געבוירן אין אַ קיבוץ האָט פאַרן יידישן פאָלק אַ גרעסערע באַדייטונג ווי אַ רעדע, וואָס ווערט געהאַלטן פון אַ ציוניסט אין קוטנער שטאָטראַט..." אויף דעם האָט ג. ניר געענטפערט, אַז בעצם זענען ביידע וויכטיק פאַר יידן:

סיי דאָס קיבוצישע קעלבל, סיי אַ רעדע פון אַ יידישן פאָרשטייער אין קוטנער מאַגיסטראַט...

דערציילן טאַקע די עטלעכע צייטונגען, הגם מיט אַנטיסעמיטישן גיפט און אַנטי־יידישן שפּאָט, וועגן דעם מוטיקן און עקשנותדיקן קאַמף פון די קוטנער יידישע שליחי־ציבור אין שטאָטראַט — די ציוניסטן, אָרטאָדאָקסן, פאָלקיסטן און בונדיסטן, וועלכע האָבן געוווּסט צו זיין אייניק און געשלאָסן, באַזונדערס אין אָנבליק פון שאַרפע אַנטי־יידישע האַנדלונגען מצד די שטאַטישע פאַרזאָרגערס, אַרויסטרעטן קעגן דער אַנטיסעמיטישער פעסט און אַנטי־יידישער הערצע, וועלכע האָט אין יאָר 1925 אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען אין שטאַט און אַפילו געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אויסער איר.

דער שרייבער פון די שורות איז נישט קיין קוטנער און דיספּאָנירט אויך נישט מיט צו פיל מאַטעריאַלן, כדי ברייטער פונאַנדערוויקלען די יריעה פון יידיש־פּוילישע באַציאונגען צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אָבער דער ווינציקער מאַטעריאַל פון עטלעכע צייטונגען, הגם ער באַציט זיך בלויז צו אַ 2—3 חדשים פון יאָר 1925, איז געגליכן צום טראָפּן וואַסער, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם ים — און קאָן אונדז אַ סך העלפן פאָרשטיין די ווייטערדיקע געשטאַלטיקונג פון די דאָזיקע באַציאונגען, ביזן טראַגישן אומקום פון קוטנער יידנטום אין געטאָ קאָנסטאַנציע און אין די גריבער און קרעמאַטאָריעס פון כעלמנאָ.

לאָמיר אָנהייבן די דערציילונג פון אַ אינטערפּעלאַציע פון די זעקס יידישע ראַטמענער אין קוטנער שטאָטראַט וועגן דער באַגאַנגענער עוולה פון דער לאָקאַלער שול־מאַכט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

אַזוי ווי דער שטאָטראַט האָט עטלעכע מאָל באַשלאָסן, אַז אינעם איצט זיך בויענדיקן שול־בנין זאָל מען קודם כל איינאָרדענען די שול נומער 3, וועלכע געפינט זיך אין אַ נישט־אַנטשפּרעכנדיקער געביידע אויף דער פּאַדזשעטשנע גאַס — איז די יידישע באַפעלקערונג, באַאומרואיקט צוליב דער שטרעבונג און ווילן פון דער שול־מאַכט, ד. ה. דעם אינספּעקטאָראַט און טיילווייז פון שול־קוראַטאָריום, און זעט דערין אַ פאַרגוואַלטיקונג פון אירע עלעמענטאַרע באַדערפענישן. די אונטן־אונטערגעשריבענע ראַטמענער קענען נישט דערלאָזן דאָס פאַרלעצן אויף אַזאַ אומדערהערטן אופן דעם פאַרלאַנג פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג.

צוליבן אויבנדערמאָנטן, דאַרף דער שטאָטראַט באַשליסן וועגן אויפפאָדערן דעם מאַגיסטראַט און שטאָטראַט, אין די ראַמען פון דער שול־זעלבסטפאַרוואַלטונג, זיי זאָלן מאַכן אַלע באַמיונגען, כדי אַריבערפירן די שול נומער 3 פון דער פּאַדזשעטשנע אינעם זיך בויענדיקן שול־בנין. אין פאַל פון נישט אויספירן דעם אויבנדערמאָנטן באַשלוס, וועט דער שטאָטראַט און מאַגיסטראַט אַרויסציען זייערע פאָרשטייער פון דער שול־זעלבסטפאַרוואַלטונג.

די מיטגלידער פון שטאָטראַט:

| | |
|---|---|
| אהרן מענדלעוויטש | הערש וויינשטיין |
| יעקב בראָמבערג | נתן וויינשטיין |
| אברהם אייזמאַן | הערמאַן קירשבאַום |

4.7.1925

### פאָדערונג צו באַשטראָפן די העצער

דרינגענדיקער פאָרשלאַג צום מאַגיסטראַט.

ווידער אַן אינטערפּעלאַציע, דאַטירט דעם 14.7.25:

דעם 7טן ד. ח. האָבן אויף די גאַסן פון שטאָט און אויף סלופּעס זיך באַוויזן געדרוקטע אין צעלקאָווסקיס דרוקעריי אויפרופן, אונטערגעשריבענע דורכן אויספיר־קאָמיטעט פון דער „סטאָוואַזשישעניע סאַמאָפּאָמאָצי ספּאָלעטשנעי" אין קוטנע, וועלכער גיט אָן זיין זיצאָרט

אינעם לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „טיגאָדניק קוטנאָווסקי״ אין שייכות מיטן באַפאָרשטייענדיקן אַגראַר־שטרייק.

אין דעם אויפרוף העצן די מחברים די פוילישע באַפעלקערונג קעגן דער יידישער. אַלס אילוסטראַציע דערפאַר קאָנען דינען די פאָלגנדיקע אויסצוגן פון דערמאָנטן אויפרוף:

1. אַ גאַנצע מאַסע געצאָלטע אַגיטאַטאָרן פון די יידיש־באָלשעוויסטישע רויבער זענען זיך צעלאָפן איבער גאַנץ פוילן, רופנדיק צום שטרייק. אין זייער אונטערהעצן צום שטרייק, נוצן אויס די דאָזיקע פאַרברעכער די פינצטערקייט פון די מאַסן, באַלעמוטשען דאָס פאָלק מיט צוזאָגן אאַז״וו.

2. פאָליאַקן, לאָמיר אָנשטרענגען אַלע אונדזערע כוחות און ווי אין 1920 יאָר מיר האָבן אָפגעשטויסן די רויטע אינוואַזיע, וועלכע האָט פאַרפלייצט פוילן, אַזוי וועלן מיר אין דעם איצט נישט ווינציק קריטישן מאָמענט, אַרויסשטויסן דאָס מעסער פונעם יידיש־באָלשע־וויסטישן רוצח, וואָס איז געווענדט אין אונדזער ברוסט.

דער דאָזיקער אויפרוף באַמיט זיך איינצורעדן דער פינצטערער מאַסע פון דער פוילישער באַפעלקערונג אַזעלכע זאַכן, אין וועלכע די מחברים גופא גלייבן נישט. נעמלעך, אַז די יידן זענען כלומרשט די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם אַגראַר־שטרייק, באַזאַמען מיט די באָלשעוויקעס. און די צווייטע ציטאַטע העצט טאַקע די פוילישע באַפעלקערונג און רופט זי צו אַקטיווע אַרויסטרעטונגען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג (...און אַזוי ווי אין יאָר 1920 האָבן מיר אָפגעשטויסן די רויטע אינוואַזיע...).

צוליבן אויבנדערמאָנטן, דאַרף דער שטאָטראַט אויפפאָדערן דעם מאַגיסטראַט, ער זאָל אין נאָמען פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַרויסטרעטן צו דער אָנטשפּרעכנדיקער אַדמיניסטראַ־טיווער מאַכט, עווענטועל צו די געריכטלעכע אינסטאַנצן, מיטן ציל:

1. גטעהעריק באַשטראָפן די מחברים און בכלל אַלע שולדיקע אין אַרויסגעבן, דרוקן און פאַרשפּרייטן דעם פריער דערמאָנטן אויפרוף.

2. נישט דערלאָזן אין דער צוקונפט פאַרשפּרייטן און אַרויסגעבן ענלעכע אויפרופן.

מיר לייגן ביי אַ קאָפּיע פונעם אויפרוף.

מיטגלידער פון שטאָטראַט:

| | |
|---|---|
| אהרון מענדעלעוויטש | יעקב בראָמבערג |
| אברהם אייזמאַן | הירש ווײַנשטיין |
| נתן ווײַנשטיין | זונדל צאַמבער |

אַ שאָד, וואָס ס׳האָבן זיך נישט אויפגעהיטן קיין דאָקומענטן, וועלכע זאָלן דערציילן וועגן פאַרלויף פון דער שטאָטראַט־זיצונג, די באַשלוסן אין רעגירונגען, ווי די אַרויסטריטן פון די באַזונדערע ראַטמענער. אַ סברה, אַז דער שטאָטראַט האָט נישט אַזוי רעאַגירט ווי די יידישע פאַרשטייער האָבן געפאָדערט, ווייל קוטנע איז אויך ווייטער געווען אַן אַרענע פאַר אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען.

מיר ווילן ווייטער ציטירן דעם פולן טעקסט פון אַ פלאַקאַט, וואָס איז פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אין שטאָט מיט זעקס וואָכן שפּעטער, נאָך דער אינטערפּעלאַציע. דער „טאַטע״ פון דעם פלאַקאַט איז די באַקאַנטע יידן־פרעסערישע אָרגאַניזאַציע „ראָזוווי״.

„פּאָליאַקן פון אַלע פּאַרטייען — פאַראייניקט אייך!
פּאָליאַקן־קריסטן.
זונטיק, דעם 30סטן אויגוסט 1925, 1 נ. מ., וועט אין קוטנע, אין זאַל פון שטאָטישן טעאַטער אויף דער טעאַטראַלנע גאַס, רעפערירן א.ד.ט. „די יידישע געפאַר״ — דער דירעקטאָר פון „ראָזוווי״ ע. זאַיאָנטשעק.

פּאָליאַקן! ווער פון אייך עס וויל אַנטיידישן פּוילן און באַזאַמען דערמיט, אַז פּוילן זאָל אין דער ערשטער ריי האָבן ברויט פאַר די פּאָליאַקן, זאָל קומען צו דער פאַרלעזונג און ווערן באַוווסטזיניק. די יידישע געפאַר איז גרויס, דער דאַך ברענט איבער אונדזערע קעפּ, כל זמן ס'איז צייט, לאָמיר זיך ראַטעווען. אַנטיידישן פּוילן, איז אונדזער הייליקער חוב.

„סוווי דאָ סוועגאָ פּאָ סוואָיע אי טילקאָ פּאָ סוואָיע".

פאַר די קוטנער אַנטיסעמיטן איז געווען ווינציק סיי די טעטיקייט פון דער „ראָזוווי"־געזעלשאַפט, סיי איין וואָכנשריפט אין דער פּוילישער שפּראַך „טיגאָדניק קוטנאָווסקי", וועלכע האָט אָנגעהויבן דערשיינען נאָך מיט 8 יאָר צוריק. דעם 23סטן אויגוסט 1925 דערשיינט דער ערשטער נומער פון אַ צווייטער וואָכנשריפט — „גלאָס קוטנאָווסקי", וועלכע שטעלט זיך פאַר אַלס „אומאָפּהענגיקע צייטשריפט פאַר אַלע". אינטערעסאַנט, אַז אין דער ווענדונג צו די לייענער, פאַרעפנטלעכט אויף דער גאַנצער ערשטער זייט, דערמאָנט נישט די צייטונג מיט קיין וואָרט, אַז זי האָט בדעה צו קעמפן קעגן יידן און זייערע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. פאַראַן אין דער ווענדונג אַ גאַנצער „פּראָגראַם", אָבער אָן וועלכן ס'איז יידישן מאָמענט. נאָר שוין אויף דער צווייטער זייט איז פאַראַן אַ ידיעה, וועלכע באַווייזט גלייך דאָס אַנטיסעמיטישע פּרצוף פון דער צייטונג.

## עמיגראַציע פון יידן פון פּוילן קיין פּאַלעסטינע

די עמיגראַציע פון יידן וואַקסט אין דער לעצטער צייט, הגם פּאַמעלעך. היינטיקס יאָר זענען אַרויסגעפאָרן יידן פון פּוילן קיין פּאַלעסטינע; אין יאַנואַר — 943 פּערזאָן, מערץ — 1409, מאַי — 1416, אין יולי — 1451. בכלל איז פאַר דער גאַנצער צייט אַרויסגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע 8413 יידן, דערפון 50% אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, 20—30 אחוזים אויפן סמך פון סערטיפיקאַטן, אַרויסגעשיקטע דורך קרובים אין פּאַלעסטינע און די רעשט האָבן באַקומען וויזעס פון דער ענגלישער מאַכט, נאָכן באַווייזן, אַז זיי באַזיצן אַ קאַפּיטאַל פון מינימום 500 פונט שטערלינג.

אַ גליקלעכע רייזע! און וואָס שנעלער.

מיר וועלן אויף להבא זיך אפשר ליב האָבן — נאָר מעבר לים.

און פון אַן אַלגעמיינער יידישער ידיעה, מיט אַ גיפטיקן אַנטיסעמיטישן קאָמענטאַר, גייט די צייטונג איבער צו אַ לאָקאַלן, קוטנער ענין. דער ציל פון זייער אַטאַקע — דער פּ ו י ל י ש ע ר וועטערינאַר־דאָקטער אַנטאָני גאָרליצקי, וועלכער האָט געלויבט יידן און... קריטיקירט פּאָליאַקן.

די טאַקסע פון דאָקטאָר גאָרליצקי: אַ ייד איז ווערט 2000 זלאָטעס, אַ פּאָליאַק — 2 זלאָטעס. 1000:1!

די רעדאַקציע פון אונדזער צייטונג האָט באַקומען אַ בריוו, וואָס צוליב דעם ממש אומגלויבלעכן פאַקט פון לעסטערן דעם נאַציאָנאַלן כבוד, ברענגען מיר אים „אין עקסטענסאָ", גאַנצערהייט:

„ד"ר גאָרליצקי, וועטערינאַר־דאָקטער ביים שטאָטישן שעכטהויז אין קוטנע, באַליידיקט די געפילן פון אונדז פּאָליאַקן, ווייל דעם יידישן קצב פּאַסט פון קוטנע האָט ער געזאָגט, אַז די פּאָליאַקן זענען גנבים, שווינדלערס, אַז ער פּערזענלעך, גאָרליצקי, האָט נישט קיין צוטרוי צו אַלע פּאָליאַקן, די קצבים ווי צו אַנדערע: אַז זיי זענען נישט ווערט מ'זאָל זיי באָרגן געלט, ווייל צו יעדן

איינצלנעם ייד האָט ער גרויס צוטרוי, אַז ער וואָלט ליבערשט געליען אַ ייד 2000 זלאָטעס, איידער אַ פּאָליאַק 8 זלאָטעס. דעריבער מיר, אַלס פּאָליאַקן, פילן זיך טיף געטראָפן, אַז ה׳ גאַרליצקי, אַזאַ הויכער באַאַמטער, וואָגט צו באַליידיקן פוילישע געפילן פאַר אַ ייד, דעם אייביקן שונא, וועלכער לויערט נאָר אויפן אומקום פון דער פוילישער מלוכה.

צי קען דער שטאָטראָט, דער מאַגיסטראָט, האַלטן אַזאַ מענטש ווי ד״ר גאַרליצקי, אַ מענטש, וועלכער אָטעמט מיט שנאה צו פּאָליאַקן און צו אַלץ, וואָס איז פויליש דערנידעריקט ער, בעת דאָס יידישע דערהייבט ער און ווען אַפילו דער דער־מאָנטער ייד פאַסט האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אויף פּאָליאַקן זענען גוטע, האָט ה׳ גאַרליצקי געענטפערט, אַז אויף 1000 פּאָליאַקן וועט זיך אפשר געפינען איינער אַן אָרנטלעכער״.

מיט אַכטונג: איגנאַצי לוטשאַק, וולאַדיסלאַוו וויעוויוראָווסקי.

און די רעדאַקציע גיט צו איר קאָמענטאַר צו דעם בריוו:

„מיר רייבן זיך די אויגן פון שטוינונג, און דער נאַטירלעכער אויפברויז פּאַרהאַקט פּשוט דעם אָטעם. דער בריוו מיט די אונטערשריפטן, וועלכער ליגט פאַר אונדז, רעדט וועגן דער טרויעריקערווירקלעכקייט. וואָס קאָן אין דער פּראַגע זאָגן אויף זיין פאַרענטפער דער הער גאַרליצקי? אַוודאי גאָרנישט. די פוילישע עפנט־לעכע מיינונג, באַשמוצט פאַר די יידן דורכן „פּאָליאַק״ ה׳ גאַרליצקי, וועט זיכער אויף אים אַרויסטראָגן אַ גערעכטן אורטייל.

צי דער אַפּעל פון די אונטערגעשריבענע צום שטאָטראָט, עווענטועל צום מאַגיסט־ראַט, וועט געפונען עפעס אַן אָפּקלאַנג, דערלויבן מיר זיך צו צווייפלען, צוליבן „נאַציאָנאַל־מינדערהייטלעכן״ באַרימטן צוזאַמענשטעל (אַוודאי נאַציאָנאַל־מער־הייטלעכן — באַמערקונג פון הבחור־הזעצער) פון דער רעפּרעזענטאַטיווער אינס־טאַנץ פון אונדזער שטאָט. די „מערהייט פון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט״, וועלכע שפּילט די ערשטע פידל אין שטאָטראָט, וועט נישט דערלאָזן צו אַזאַ סקאַנדאַל, ווי אָפּזאָגן אַזאַ „לאָיאַלן״ פּאָליאַק.

אונדזער צייטונג אָבער, באַשיצנדיק דעם באַליידיקטן נאַציאָנאַל־פוילישן כבוד, גיט איבער דעם פאַקט דער עפנטלעכער מיינונג, פאַראורטיילט דעם טרויעריקן אַרויסטריט פון אַ פּאָליאַק און שטעלט אים צום עפנטלעכן שאַנד־סלופּ.

רעדאַקציע פון „גלאָס קוטנאָווסקי״

אין נומער 2 פון „גלאָס קוטנאָווסקי״ (פון 30.8.1925) איז אָפּגעדרוקט פּאָלגנדיקער בריוו פון ד״ר גאַרליצקי:

די נאָטיץ „צום שאַנד־סלופּ״ איז בכלל און אין אירע פּרטים — נישט ריכטיק. דאַקעגן איז אמת, אַז נישט איין מאָל האָב איך אין שטאָטישן שעכטהויז גערופן די קצבים־פּאָליאַקן צו סאָלידאַריטעט, וועלכע איז אין אַלגעמיין כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן. אמת איז, אַז אַלע איינקויפונגען מאַך איך שטענדיק אין פוילישע געשעפטן, אַחוץ די אַרטיקלען, וועלכע זענען דאָרט נישט בנמצא. אמת איז, אַז כ׳האָב אויפמערקזאַם געמאַכט די קצבים־פּאָליאַקן זיי זאָלן אָפּהיטן די פאַרשריפ־טן, צו וועלכע ס׳האָט זיך שוין צוגעוווינט דער רוב קצבים. עס איז אמת, אַז כ׳האָב אָפּט אַריינגעזאָגט פוילישע קצבים, ווען זיי זענען געקומען שיכורע אין שעכטהויז און געגעבן אַ ביישפּיל, אַז אַ יידישן קצב האָב איך ביז איצט נישט געזען שיכור אין שעכטהויז. אמת איז, אַז איינער פון די מחברים פונעם

בריוו, ה׳ װלאַדיסלאַוו װיעװיוראַװסקי, האָט אַ בגילופנדיקער אַרויסגערופן אַן אוואַנטורע אין שעכטהויז און דערפאַר צוגעצויגן געוואָרן צו קרימינעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אמת איז, אַז דאָס אָפּהיטן דורך מיר די ביז איצט אַזוי' פאַרנאַכלעסיקטע סאַניטאַרע פאַרשריפטן, געפעלט נישט אייניקע קצבים און זיי זענען נישט איין מאָל אַוועק אין מאַגיסטראַט מיט אָנקלאַגעס אויף מיר. איינער פון זיי האָט זיך אָפּילו עפנטלעך אויסגעדריקט, אַז זאָל דאָס אים קאָסטן טויזנט זלאָטעס — וועל איך אין שעכטהויז נישט זיין. ס'איז אויך אמת, אַז כ'האָב געדראָט די עקשנותדיקע קצבים, וואָס פּאַסן זיך נישט צו צו די פאַרשריפטן, אַז כ'וועל אויפהערן איבערווייזן זייערע ענינים איז געריכט, נאָר זיי פאַרעפנטלעכן אין דער היגער פּרעסע.

אַנטאָני גאָרליצקי, וועטערינאַר־דאָקטער,
פאַרוואַלטער פון שטאָטישן שעכטהויז.

איצט מוזן מיר זיך אומקערן צו דער אַנאָנסירטער פאַרלעזונג פון זאַיאָנטשעקן וועגן דער „ידישע געפאַר אין קוטנע", וועלכע האָט גורם געווען צו שפּעטערדיקע ערנסטע געשעענישן.
דער „גלאָס קוטנאָווסקי" נומ׳ 2 פון 30.8.25 דערציילט:

דער ייד מענדלעוויטש „פאַרוועריט" פונאַנדערקלעבן די אַפישן פון „ראַזוווי" —
„אויף מיין באַפעל, אַראָפּרייסן די אַפישן" — צווייי הערשער פון קוטנע!
לעצטנס האָט אין קוטנע פּאַסירט אַ פאַקט, וועלכער וואַרפט אַ כאַראַקטעריסטיש ליכט אויף די הערשנדיקע באַציאונגען אין קוטנער מאַגיסטראַט.
זונטיק, דעם 30טן ד.ח., דאַרף פאַרקומען אַ רעפעראַט פון ה׳ זאַיאָנטשעק, איינגעאָרדנט דורך „ראַזוווי", א.ד.ט. „די ידישע געפאַר", וואָס האָט באַקומען אַ דערלויבעניש פון היגן סטאַראָסטע. דער רעדאַקטאָר פון „טיגאָדניק קוטנאָווס־קי", ה׳ האַלץ, וועלכער האָט געוואָלט באַצאָלן אין מאַגיסטראַט פאַרן פונאַנדער־קלעבן די אַפישן, האָט זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויפן מאַגיסטראַט־„סעקרעטאַר", דער ייד מענדלעוויטש, וועלכער האָט אויף אַן אַראָגאַנטן, קאַטעגאָרישן אופן, דערקלערט בוכשטעבלעך: אין נאָמען פון מאַגיסטראַט, דערלויב איך נישט אַרויסהענגען די פּלאַקאַטן פון „ראַזוווי".
אויף אַזאַ שאַרף וואָרט פונעם צעיושעטן יידל, איז ה׳ האַלץ אַוועק צו דער העכסטער מאַגיסטראַטישער אינסטאַנץ, צום בירגערמייסטער קלעפּאַ.
דאָ איז אָבער ווידער פאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל. אויך דער ביר־גערמייסטער האָט נישט דערלויבט פונאַנדערקלעבן די פּלאַקאַטן, דעקנדיק זיך מיט זיין שוואַכער פּאָזיציע צוליב דער גרויסער צאָל ידישע ראַטמענער אין שטאָטראַט, וואָס וואָלט פון זייער זייט דערפירט צו אַן אומצוטרוי־וואָטום און ער וואָלט געמוזט פאַרלאָזן זיין אַמט.
ה׳ האַלץ האָט וועגן דעם צו וויסן געגעבן דעם פאָרשטייער פון די האַנטווערקער, גראַדאָווסקי באַלעסלאַוו, וועלכער איז אַוועק צום בירגערמייסטער אויפקלערן דעם ענין. דאָ האָט שוין דער בירגערמייסטער יאָ געגעבן די דערלויבעניש, נישט נעמענדיק אַפילו קיין אָפּצאָל פאַרן מאַגיסטראַט.
אין צווישנצייט, ווען מ'האָט שוין פונאַנדערגעקלעבט די אַפישן, האָט מענד־לעוויטש אויף אייגענער האַנט אַרויסגעשיקט דעם מאַגיסטראַט־וואַשזני אַראָפּ־צורייסן די אַפישן. די אַלאַרמירטע פּאָליציי איז אָבער געווען הילפלאָז, נישט האָבנדיק קיין אינסטרוקציע פון סטאַראָסטע, ווייל דער וויצע־סטאַראָסטע, ה׳

קלאמבאַראָווסקי, האָט נישט געפונען קיין אויסוועג אין דער אויסערסט שווערער פאַר אים לאַגע. דעריבער איז דאָס אַראָפּרייסן די אָפּישן ווייטער פאָרגעקומען, פאַר די אויגן פון דער פּאַסיוו זיך צוקוקנדיקער פּאָליציי און איראָניש שמייכלדיקע יידן.

נאָכן שילדערן די דאָזיקע געשעעניש, לאָמיר זיך פאַרטראַכטן: ווו קומט דאָס פאַר? אין פּוילן! און אין פּוילן וואָגט אַ ייד, אַ מוניציפּאַלער באַאַמטער, גוט באַלוינט פאַר פּויליש געלט, צו פאַרווערן „אין נאָמען פון מאַגיסטראַט" פונאַנדערצוקלעבן אָפּישן פון אַ פּוילישער געזעלשאַפט, לעגאַליזירט דורך דער רעגירונג זינט אַ ריי יאָרן. פון וואַנען האָט דער ייד מענדלעוויטש די העזה צו ריידן אין נאָמען פון מאַגיסטראַט? צי פילט ער זיך אַזוי זיכער אין דעם מאַגיסטראַט? אויב ס'איז שוין צו דעם דערגאַנגען — וואָס וועט זיין ווייטער? צי דאַרפן מיר מיטן געדולד פון אַ שעפּסעלע זיך צוקוקן צום מאַגיסטראַטישן אוזורפּאַטאָר־הערשער, וועלכער שטופּט זיך מיט די עלנבויגנס?

פון וואַנען האָט אַ ייד די רעכט, טראָץ דער דערלויבעניש פונעם בירגערמייסטער אַרויסצוהענגען די אָפּישן, אַרויסגעבן דעם מאַגיסטראַט־וואָזשני אַ „באַפעל" די אָפּישן אַראָפּצורייסן? האָט דער בירגערמייסטער געוווּסט וועגן זיין סעקרעטאַרס באַפעל דעם וואָזשני, הגם ס'איז שווער דאָס תופס צו זיין פאַר יעדן מענטשן, וועלכער איז געוווינט צו נאָרמאַלע באַדינגונגען, אַפילו אין דער פּרימיטיווסטער זעלבסטפאַרוואַלטונג?

אויב נישט, צי וועט דער ה' בירגערמייסטער נישט זיין גענייגט, נאָך דעם סקאַנדאַליעזן אַרויסטריט פון ה' מענדלעוויטש, דערקלערן אים אַזוי קאַטעגאָריש און אַנטשלאָסן: אַרויס, ייד, פון פּוילישן מאַגיסטראַט, וועלכן דאַרפסט שוינען און אין וועלכן, אייגנטלעך, דאַרפסט זיך נישט געפונען. דאָס דערוואַרט די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג פון קוטנע.

ווייזט אויס, אַז די האַנדלונג פון יידישן לאַווניק מענדלעוויטש האָט נישט געלאָזט רוען די אַנטיסעמיטישע רעדאַקטאָרן פון „גלאָס קוטנאָווסקי". אין נומ' 3 פון דער וואָכנשריפט, פון 6טן סעפּטעמבער 1925, איז כמעט די גאַנצע צווייטע זייט געווידמעט דעם יידישן פאַרשטייער. צום ערשט — אַ „ליד" „וועגן העלדישן יידל און זיין טרויעריקן סוף" (אַ טראַגישער עפּאָס), ווו עס ווערן אין אומגעלומפּערטע גראַמען אויסגעלאַכט די יידן און מענדלעוויטש ווערט אַנגעגריפן אויפן סאַמע גראָבסטן אופן. אין אַ פעליעטאָן־נאָטיץ „ברעקעלעך", געווידמעט דעם קוטנער מאַגיסטראַט, ווערט מענדלעוויטש באַצייכנט אין קאָפּ אַלס „כשרער נאַפּאָליאָן". מיר לייענען דאָרט:

צי וואָס דאַרפן יידן פּאַלעסטינע? אַז דאָ, אין קוטנע, האָבן זיי בעסער ווי ביי אברהמען הינטערן אויוון. אַזאַ טשופּולניק, אַזאַ בלייכער ניקאָ, אַזאַ יידישער נאַפּאָליאָן, רעגירט זיך אין מאַגיסטראַט ווי דער סאַמעראָדנער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

ער וועט אַפילו נישט געבן אַ כשרן שמייכל, נאָר ווי דער ווילדער מנהיג פון אַ מאַראָקאָ, צי ווי אַן אַנדערער אַראַבישער שייך, דרייט דער שיע מיטן האַלדז אויף אַלע זייטן און אומעטום שטעקט ער אַריין זיין „שנאַבל" — ווו מען דאַרף יאָ און ווו מען דאַרף נישט.

ער געוועלטיקט כמעט אַליין אינעם שטאָטישן בלאָטקעלע „זאַט און צופרידן", צמאָקעט און פרייט זיך, בעת דאָס אַלץ שטערט נישט דעם בירגערמייסטער קלעפּאַ צו פאַרנעמען געזעלשאַפטלעכע אַמטן, אין פלי־וועזן, גאַז און אַנדערע,

פאַרן אין דער לופטן, עסן, טרינקען, שווימען פון איין כוואַליע צו דער צווייטער אויף נאַס און אויף טרוקן.

אַנטקעגן דעם כשרן „נאַפּאָליאָן" איז די סטאַראָסטע אַ גאַרנישט, די פּאָליציי אַ גאַרנישט און דער מאַגיסטראַט — צוויי גאַרנישן אינעם בוימאייל פון זיין תלמודישער חכמה.

צי וואָס־זשע דאַרפן די יידן פּאַלעסטינע? אַז דאָ האָבן זיי אַלץ וואָס זייער נשמה פאַרלאַנגט, וואָס איז גוט באַוווּסט יעדן אומטרייען טאַמאַש.

## מענדלעוויטשעס ענין — אין סטאַראָסטווע

אונטער דעם קעפּל, איז אין דער זעלבער צייטונג אָפּגעדרוקט די ווייטערדיקע נאָטיץ:

דער סקאַנדאַליעזער אַרויסטריט פונעם צעיושעטן יידישן מאַגיסטראַט־סעקרעטאַר מענדלעוויטש, צוליב די „ראָזוווי"־פּלאַקאַטן, וועט געפונען זיין לייזונג אין דער סטאַראָסטווע, וווּ דער ענין איז איבערגעוויזן געוואָרן דורך דער פּאָליציי.

די פּאָליציי, ווי באַוווּסט, באַקומענדיק די ידיעה וועגן אַראָפּרייסן אויף מענדלעוויטשעס „באַפעל" די אַפּישן, האָט גאָרנישט געטאָן קעגן דעם און זיך באַגנוגנט מיט צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל מיט די ה"ה האַלץ, גראַדאָווסקי, מענדלעוויטש און בירגערמייסטער קלעפּאַ. דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָט די פּאָליציי איבערגעשיקט צו דער סטאַראָסטווע, כדי צוציען מענדלעוויטשן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ס'איז צו האָפן, אַז דער אויסברוך פונעם אַראָגאַנטישן יידישן פּיליפּ פון די קאַנאַפּיעס וועט באַקומען אַ פאַרדינטע שטראָף.

אומקערנדיק זיך צו יענעם היסטאָרישן טאָג אין דער געשיכטע פון קוטנע, ווען מיר אַרויסברענגען נאָך איין זייער כאַראַקטעריסטישן פּרט. ווען דער מאַגיסטראַט־וואָזשני האָט באַקומען פון גובערנאַטאָר מענדלעוויטש דעם „באַפעל" אַראָפּצורייסן די אַפּישן, איז ער (נישט גלייבנדיק ווארשיינלעך די אייגענע אויערן) אַוועק צום בירגערמייסטער. און ה' קלעפּאַ, האָט נאָכן אַקצעפּטירן, צוגעגעבן, אַז אין פאַל ווען די אַפּישן וועלן זיך נישט לאָזן אַראָפּרייסן, דאַמאָלט דאַרף מען זיי פאַרקלעבן מיט אַנדערע אַפּישן. צי אַזאַ „אַמטלעכע" קפדנות האָט נישט צו ווייט אַוועקגעטראָגן דעם הער בירגעמייסטער? באמת רירנדיק.

אין דער זעלבער צייטונג ווערט אויף באַריכטעט בקיצור וועגן פאַרגעקומענעם מיטינג פון „ראָזוווי". די אָנגענומענע רעזאָלוציע לויטעט:

די פאַרזאַמלטע מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון „ראָזוווי", אין דער צאָל פון 1000 מאַן, נאָכן אויסהערן די רעדעס פון רעדאַקטאָר האַלץ און דירעקטאָר ע. זאַיאָנטשעק, דריקן אויס זייער ענערגישן פּראָטעסט קעגן דעם שענדלעכן פאַרן פוילישן פאָלק אָפּמאַך פון דער רעגירונג מיט די יידן.

די פאַרזאַמלטע אויף דעם מיטינג פאָדערן קאַטעגאָריש צו באַזייטיקן דעם לאַווניק מענדלעוויטש פון מאַגיסטראַט, וועלכער באַליידיקט די פוילישע געפילן מיט זיין פּראָוואָצירנדיקן אויפפירן זיך כלפּי דעם דעלעגאַט פון דער „ראָזוווי"־אָפּטיילונג.

דער „גלאָס קוטנאָווסקי" נומ' 4 האַלט וואָרט — און אויף דער ערשטער זייט פאַרעפנטלעכט ער אַ פולן באַריכט פון „ראָזוווי"־מיטינג, אונטערן קאָפּ „די יידישע געפאַר". איז דאָס נאָך ווינציק פאַר דער צייטונג — האָט זי אויף זייט 2 אָפּגעדרוקט אַ קורצע, נאָר בייסיקע נאָטיץ אויפן חשבון פון די מאַגיסטראַט־באַאַמטע, וועלכע קויפן צייטונגען אין יידישע קיאָסקן:

**די אַסימילאַציע פון מאַגיסטראַט.**

„סוווי דאָס סוועגאָ פאָ סוואיע״ — אַזוי לויטעט דער פּלאַקאַט פון „ראַזוווי״. ביי אונדז שטיצט מען נישט אייגענע, נאָר דערפאַר קויפט מען ביי „אונדזע־ריקע״. לאָמיר נעמען אַזאַ זאַך, ווי דאָס קויפן יעדן טאָג צייטונגען אין די קיאָסקן פון פּאָליאַק פּלאַזשעווסקי און משה וויטקאָווסקי — און מיר וועלן זען ווי אייניקע מאַגיסטראַט־באַאַמטע גייען נאָך אַ צייטונג צום יידישן קיאָסק. הגם דער קריסטלעכער קיאָסק געפינט זיך נעבנטער, איז שטענדיק בעסער צו זיין לאָיאַל כלפּי דעם „גובערנאַטאָר״ מענדלעוויטש, ווייל „ער״ קאָן אַ סך...

דערווייל פילן די באַאַמטע אַ „מאָראַלישן״ חוב צו שטיצן די יידעלעך. מעגלעך, אַז אין גיכן וועלן זיי באַקומען אַ באַפעל צו אַמטירן אין פאַרביקע כאַלאַטלעך און עפעקטיווע יאַרמלקעס, צו דער גרעסטער צופרידנקייט פון אונדזערע האַר־ציקע מיטבירגער, אַז די גויים אַסימילירן זיך אַזוי שנעל.

אין די ווייטערדיקע נומערן — ווידער אינסינואַציעס, פּעליעטאָנען און לידער מיט אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישן אינהאַלט. אָט אַטאַקירן זיי די עטלעכע יידישע האָטעלן ביים קוטנער וואָקזאַל, פאָרשטעלנדיק זיי ווי נעסטן פון פּראָסטיטוציע און ווענערישע קראַנקייטן — פּאַדערנדיק פון דער מאַכט זיי צו שליסן, אויך מיט אַזאַ מאָטיוו, הלמאי זיי נעמען נישט אויף קיין צוגעפאָרענע געסט פרייטיק־צו־נאַכטס און שבת... אָט באַשרייבן זיי אַ פאַל אין לאָדזש, ווו יידישע שילער זאָלן כלומרשט האָבן אַראָפּגענומען פון וואַנט דעם הייליקן קרוציפיקס, אים געטרעטן מיט די פיס — כדי באַווייזן, אַז אויך אין קוטנע איז די יידישע חוצפּה גרויס. און ווידער אַ דערמאָנונג פונעם פאַל מיט די „ראַזוווי״־אַפישן, די אינטערפּעלאַציעס פון די יידישע ראַטמענער אאַז״וו.

אויב דער נומער 6 „גלאָס קוטנאָווסקי״ איז געווען פריי פון אַנטי־יידישער העצע, האָט דערפאַר דער נומער 7 זיך „אָפּגענומען״ פאַרן שוויגן פאַריקע וואָך. פאַראַן אין דער צייטונג אַ גרעסערע נאָטיץ „ראַפינירטע יידישע אַרויסדרייערישקייט״, מיט אונטערקעפּלעך, ווי: ייִדי־שער באָיקאָט פון פייערונגען. — פּאַלעסטינער העלדן פון דער בירגערלעכער וואָך. — אַ שנעל אין נאָז פאַר לאָיאַליטעט און פיינער קורטואַזיע.

מיר ברענגען די נאָטיץ אין קירצונגען, ווייל זי באַציט זיך אויך צום קבלת־פּנים פאַר שלום אַש, וועלכער האָט באַזוכט קוטנע אין יאָר 1925:

...אַזאַ חוצפּהדיק, ציניש און צעבאַלעוועט יידנטום ווי אין קוטנע, פאַרמאָגט נישט, דוכט זיך, קיין שום ווינקל אין פּוילן.

דער פּראָוואָקאַטאָרישער יידישער שבט אין שטאָטראָט, וועלכער גיט דעם טאָן דער מאַגיסטראַטאָרישער הערשאַפט אין קוטנע; וועלכער וואַרפט זיך חוצפּהדיק אויף די זיצונגען פון דעם זעלבן ראָט אויף לינקס און אויף רעכטס, מיט פאַריסענע אינטערפּעלאַציעס, רעזאָלוציעס און דרינגענדיקע פאָרשלאָגן; ווייטער — דער חוצפּהדיקער, פאַריסענער יידישער מאַגיסטראַט־סעקרעטאָר מענדלעוויטש, מיט זעלבסטהערשערישע אינסטינקטן, — שיקט איבער אַ רירנדיקן בריוו פון די יידישע ראַטמענער צום בירגערמייסטער, ווען ער רעקאָמענדירט אָנטייל צו נעמען אינעם אָפיציעלן קבלת־פּנים לכבוד דעם ציוניסטישן שרייבערל שלום אַש, וועלכער איז געקומען מיט אַ רעפעראַט קיין קוטנע צו וועקן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט. דאָס אַלץ באַווייזט, אַז די יידן אין קוטנע שטופּן זיך אַלץ מערער מיט די עלנבויגנס און פילן זיך זיכערער ווי אין דער סאַמע־ראָדנער פּאַלעסטינע, ווו די ענגלענדער ווייסן אַוודאי בעסער ווי אַזוי צוימען

זייער ראַסן־טעמפּעראַמענט. לעצטנס איז אין קוטנע ווידער געשען אַ פֿאַקט, וועלכער באַווייזט אויף אַ גענוגנדיקן אופן צו אַ וואָסער הוצפּה די יידן זענען פֿעיק כּלפּי דער פּוילישער געזעלשאַפֿט.

אַט האָט דער קאָמיטעט, וועלכער פֿירט אַדורך אין קוטנע די „וואָך פֿון דער פּאָליציי", באַשלאָסן איינצולאַדן צו באַטייליקן זיך אין די פֿייערונגען אַלע געזעלשאַפֿטן, אָרגאַניזאַציעס, פֿאַרבאַנדן און פֿאַראייניגן. דער סעקרעטאַר פֿון קאָמיטעט, בירגערמייסטער קלעפּאַ, האָט אויך נישט פֿאַרגעסן אין די יידן, אַרויסשיקנדיק אין נאָמען פֿון קאָמיטעט אַן איינלאַדונג צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער יידישער קהילה. די יידן אָבער, האָבן ווי באַוווסט, נישט באַטייליקט זיך אין דער פֿייערונג, ווי אויך אין דער גאַסן־מאַניפֿעסטאַציע, ווי אין דער לאָטעריע, באַיקאָטירנדיק שטרענג די פֿייערונגען, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט אַלע שיכטן און קלאַסן פֿון אונדזער געזעלשאַפֿטלעכקייט. דערפֿאַר האָבן זיי אויפֿן אַדרעס פֿון קאָמיטעט אַרויסגעשיקט אַן אַראָגאַנטישן, חוצפּהדיקן און ראַפֿינירטן בריוו, פֿול מיט פּרעטענסיעס — און פֿאָלגנדיקן אינהאַלט:

פֿאַרוואַלטונג פֿון דער יידישער רעליגיעזער געמיינדע אין קוטנע — צום קאָמיטעט צו פֿײַערן דעם צענטן יאָרטאָג פֿון דער פּוילישער זיכערהייטס־דינסט.

„אייער איינלאַדונג האָבן מיר דערהאַלטן. דער טאָג פֿון די פֿייערונגען פֿאַלט אויס אין צווייטן טאָג פֿון אונדזער ראש־השנה (ניי־יאָר). צוליבן אויבנדערמאָנטן, קענען מיר זיך נישט באַטייליקן אין די פֿייערונגען, באַשטימטע אויף דעם טאָג. אונדז וווּנדערט זייער, אַז איר האָט נישט גענומען אין באַטראַכט די דאַטע פֿון דער פֿייערונג, וועלכע איז דאָך נישט קיין עקזאַקטע. מיר שטרייכן אונטער, אַז די אַרטיקע יידישע באַפֿעלקערונג האָט מאַטעריעל און מאָראַליש געשטיצט די קאָמיטעטן פֿון דער בירגער־וואָך, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין איבערברוך־מאָמענטן. אונדזערע ברידער האָבן זיך דאַמאָלט געפֿונען אין די רייען פֿון דער וואָך".

אויף אַזוי פֿיל דער קאָמוניקאַט פֿון דער קהילה־פֿאַרוואַלטונג, אונטערגעשריבן דורך אַלע מיטגלידער, וואָס נאָכן איבערלייענען אים, איז צו שטויגן, אַז די דאָזיקע האָבן נישט באַקומען קיין אַפּאָפּלעקסיע.

פֿון איין זייט איז דאָס אַ ווייטיקלעכער פּאַטש אין פּנים פֿאַר דער גאַנצער אָרטיקער פּוילישער באַפֿעלקערונג, פֿון דער צווייטער זייט ווידער איז דאָס אָנגעריבן אַ נאָז דעם בירגערמייסטער, וועלכער האָט מיט זיין איבערגעטריבענער לאָיאַלקייט און קורטואַזיע, אויסגעשטעלט זיינע קאָלעגן פֿון קאָמיטעט אויף אַ קאָמפּראָמיטירנדיקן אָפּזאָג מצד דעם צעיושעטן יידנטום.

די יידן באַרימען זיך, איינרעדנדיק אונדז גלייכצייטיק, אַז „מאָראַליש און מאַטעריעל האָבן זיי אין איבערברוך־מאָמענטן געשטיצט די קאָמיטעטן פֿון דער בירגערלעכער וואָך". אונדז איז גוט באַקאַנט זייער „מאָראַלישע שטיצע" בעתן שלום־קאָנגרעס אין פּאַריז, ווו מען האָט אַרומגעשניטן פּוילן פֿון אַלע זייטן; מיר קאָנען זייער „שטיצן" בעת די פּויליש־אוקראַאינישע קאַמפֿן אין לעמבערג, ווו זיי האָבן די פּוילישע זעלנער אָפּגעגאָסן מיט קאָכעדיק וואַסער און געשאָסן פֿון באַהעלטענישן; מיר קאָנען ענדלעך זייער שטיצע פֿון דער תקופֿה פֿון דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אויף פּוילן אין יאָר 1920, ווען זיי האָבן מיט שפּיאָנאַזש, מיטן שאַפֿן קאָמוניסטישע קאָמיטעטן אין די שטעט און שטעטלעך, באַפֿעסטיקט דעם קאָמוניסטישן גן־עדן אויף די נאַר וואָס פֿאַרנומענע געביטן,

אין וועלכע ס׳האָבן אַ באַדייטנדיקן אָנטייל גענומען אַפילו רביים, ווי דאָס זאָגט עדות דער אומפאַרגעסלעכער באַרימטער רב־שפּיאָן שאַפּיראָ פון פּלאָצק, דער־שאָסן דורכן קריגס־געריכט פאַרן געבן אָנווייזונגען דעם באָלשעוויסטישן מיליטער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין שטאָט. אַזוי האָט אויסגעזען — ראַפינירטע יידן — אייער „מאָראַלישע און מאַטעריעלע שטיצע" פאַר אונדז אין איבערברוך־מאָמענטן.

היינט הייסן זיי אונדז, פּאָליאַקן־קאַטאָליקן, צופּאַסן זיך צו זייערע יידישע, בית־המדרשדיקע שבתים, זיי אָפּהיטן און זיך רעכענען מיט די דאַטעס פון סוכות, יום־כיפור, אין אַ צייט ווען די יידן דערלויבן זיך אין אונדזערע פייער־לעכע קריסטלעכע חוגאות ווי אַמבעסטן האַנדלען און קאָמבינירן, ווייל זיי גייט אין גאַנצן נישט אָן אונדזערע יום־טובים און נאַציאָנאַלע פייערונגען. דאָס צעבאַלעוועטע יידנטום פילט זיך אַזוי זיכער און האַלט אַוודאי די פּוילישע באַפעלקערונג פאַר אַזוי געפיל־לאָז און פאַריידישט, אַז זיי דערלויבן זיך אַפילו אויף אַלץ חוצפּהדיקע פּראָוואָקאַציעס אויף אונדזער אַדרעס. טאַקע די פאַרריסנקייט און זעלבסטזיכערקייט איז נאָך אַ פּריצייטיקע, אַז די שעה פון טריאומף וועלן זיי נישט דערלעבן, ווייל פּוילן איז נישט רוסלאַנד־באָלשעוויע. זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון, אַז דער פּוילישער גייסט, וועלכער וואַכט אויף נאָך הונדערטער יאָרן לעטאַרגיע, שרייבט פאַר די יידן די ערשטע אותיות פון זייער „מנא תקל ופרסין".

דער זעלבער בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער צווייטער וואָכנשריפט, „טיגאָדניק קוטנאָווסקי" (נומ׳ 40, פון 6.10.25), נאָר פאַרזען מיט די אונטערשריפטן פון די פאַרוואַל־טונגס־מיטגלידער: הרב טרונק, י. מייראַנץ, אַ. אייזמאַן.

און דער „טיגאָדניק" גיט צו זיין קאָמענטאַר:

> וווּנדערן זיך דעריבער די קוטנער יידן, אַז דער קאָמיטעט רעכנט זיך נישט מיט דער דאַטע פון יידישן יום־טוב. אַ סברה, אַז לויט זייער מיינונג, דאַרף דער קאָמיטעט זיך צופּאַסן צו די טערמינען, וועלכע זיי וועלן באַשטימען, צי זייערע ראַבינערס. קאָמענטאַרן זענען איבעריק!
>
> דער דאָזיקער פאַקט דאַרף פאַר אַלע פּאָליאַקן זיין אַ וועגווייזער, אַז דער יידישער עלעמענט דאַרף ווערן עלימינירט נישט נאָר פון פּריוואַטן, נאָר אויך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די קריסטן.

דאַקעגן די רעדאַקטאָרן פון „גלאָס קוטנאָווסקי" האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט אַ גיפטיקן קאָמענטאַר און אָנפאַל אויפן אַדרעס פון דער קהילה. דאָס בלעטל איז דערשינען נישט מער ווי אין 4 זייטן, דאָך האָבן זיי אין דעם זעלבן נומער אָפּגעגעבן אָרט פאַר אַ גרויס ליד־פעליעטאָן מיט אומגעלומפּערטע גראַמען וועגן אַ יידישן דענטיסט אין קוטנע, וועלכער זאָל האָבן באַגאַנגען שווינדלערייען, ביי דער צושטימונג פון אָרטיקן רב — און אַ ידיעה „האַנדל אויף די בענק", ווו עס זאָגט זיך:

> אַלע שטיינערנע בענק אויף דער שענקעוויטשאַ גאַס זענען פאַרנומען מיט קיישלעך פּרוכטן, מיט וועלכע עס האַנדלען יידישע פאַרקויפערס. מענטשן, וועלכע איילן זיך צו דער באַן מיט באַגאַזשן, אָדער קומען פון דער באַן, באַלאַדענע און מידע, האָבן נישט די מעגלעכקייט ווו זיך אָפּצורוען, ווייל די באַשטימטע פאַר דעם צוועק בענק זענען פון דער פרי ביז אין אָוונט פאַרנומען דורך די „האַנדלעסן", וועלכע פאַרטשעפּען נאָך דערצו די דורכגייער. צי וואָלט די פּאָליציי נישט גענויגט געווען אָפּצוריייניקן די בענק פון די יידישע

הענדלער, וועלכע שטופּן זיך מיט זייערע קוישן, פּאַראומרייניקן דאָס אָרט און דעם אַרום מיט אָפּפאַל פון פאַרפוילטע פרוכטן — און אָפּגעבן די בענק פאַרן עפנטלעכן געברויך, לויט זייער באַשטימונג.

אויף זייט 3 ווידער — אַ קליינטשיקע נאָטיץ וועגן שטאָט־זייגער, און שבת־גויים פון שטייער־אַמט, וואָס גיט ווידער אַ געלעגנהייט צו אַטאַקירן יידן.

„דירעקטאָר" אָנצודרייען דעם מאַגיסטראַטישן זייגער איז אַ ייד. דעריבער יעדעס יאָר, אין די יידישע יום־טובים, שטייט דער זייגער. היי־יאָר האָט דער זייגער געררוט דעם לעצטן זונטיק, ווייל ס'איז אויסגעפאַלן דאָס יידישע ניי־יאָר. באמת, איז דאָס נישט קיין חרפה, אַז אין קוטנע זאָל מען נישט צונעמען אָנצודרייען דעם זייגער אַ פּאָליאַק, וועלכער וועט אוודאי זיך אַן עצה געבן מיט דער פילאָזאָפיע. צי מוז דער מאַגיסטראַט, אין גאַנצן אָדער טיילווייז שטינקען מיט יידן? (געמיינט דעם יידישן זייגערמאַכער יעקב־שלמה האַלער).

**שבת־גויים פון דער סקאַרבאָווע קאַסע**

געוויסע באַאַמטע פון דער קאַסע סקאַרבאָווע אין קוטנע אַבאָנירן סטאַביל ביים ייד די „גאַזעטאַ פּאָראַנגאַ" און „קוריער וואַרשאַווסקי", הגם נישט ווייט געפינט זיך דער קיאָסק פון קריסט פלאָזשעווסקי.

ווי מיר דערוויסן זיך, האָבן די אויבנדערמאָנטע באַאַמטע באַדאַרפט באַקומען אויף שבת חלות און איצט זענען זיי אויף סוכות פאַרבעטן געוואָרן, ווו זיי וועלן אין ביידלעך, צוזאַמען מיט באַפּיאותטע קודלאַיעס, עסן פיש מיט מייערן און ציבעלעס און צוטרינקען אַ טראָפּן יום־טובדיקע פעיסאַכוווקע.

„אַנטיידישן פוילן איז אונדזער הייליקער חוב" — שרייט אַראָפּ אַן אַנאָנס אויף דער ערשטער זייט פון נומ' 8 „גלאָס קוטנאָווסקי". און אויף דער זעלבער זייט — אַ גרעסער לייט־אַרטיקל א. נ. „זעלבסטפאַרטיידיקונג", געווידמעט דער יידן־פּראַגע אין פוילן. און אויף דער גאַנצער ברייט פון עמוד, אין סאַמע אויבנאָן — אַ מעלדונג וועגן אַ פאַרלעזונג „פוילן און די יידן", וואָס דאַרף פאָרקומען אין זאַל „פּאָלאָניאַ". רעפערענט — מ. לאַכאָוויטש פון וואַרשע.

אין זעלבן נומער איז (אויף ז' 2) איבערגעדרוקט אין גאַנצן דאָס אַרטיקל פון ע. זאַיאָנטשעק, וואָס איז דערשינען אין דער וואַרשעווער וואָכנשריפט „ראַזוווי". דאָס איז דער זעלבער, וועלכער האָט געהאַט זיין פאַרלעזונג אין קוטנע און דער בירגערמייסטער האָט פאַרבאָטן אַרויסצוהענגען די אַפישן זיינע. דער „גלאָס קוטנאָווסקי" קלערט אויף, אַז נאָך אַ צווייטאָגיקן באַזוך אין קוטנע, איז ע. זאַיאָנטשעק דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז „די יידן־פּראַגע אין קוטנע שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערנסט און שווער פּראָבלעם". זיין אַרטיקל הייסט: „יידיש־מאַגיסטראַטיש פּראָבלעם אין קוטנע":

בראש פון דער שטאָט שטייט דער פּרעזידענט קלעפּאַ, כלומרשט אַ „נאַציאָנאַליסט" און ליידער — פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, וועמענס איינפלוסן אין קוטנע, אַ דאַנק דעם אומגעלומפּערטן ליבלינג, ווערן קלענער פון טאָג צו טאָג מיטן שאָדן פאַר דער נאַציאָנאַלער זאַך.

צו וואָס פאַר אַ מדרגה דער הער קלעפּאַ איז אונטערן איינפלוס פון יידן און גיט זיי נאָך אויף יעדן שריט, זאָל אילוסטרירן דער ווייטערדיקער דאָקומענט. דער דאָזיקער דאָקומענט, אַלס קוריאָז אין אונדזער העכער 6־יאָריקער טעטיקייט, פאַרעפנטלעכן מיר וואָרט־ביי־וואָרט, כדי ער זאָל אַן ענדערונגען אַריין אין דער היסטאָריע פונעם שווערן געראַנגל אויפן וועג צו אַנטיידישונג פון איין

זייט, און פון דער צווייטער זייט — מיט אירע קרבנות:
מאַגיסטראַט פון דער שטאָט קוטנע
וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט.
דעם 1925.8.29, נר׳ 1/1—3843.
צום ה׳ האַלץ — דאָ.
איך טייל אייך מיט, אַז צוליב דעם, וואָס דער פּלאַקאַט פון ה׳ זאַיאָנטשעק אַנטהאַלט אַן אויפרוף געווענדט קעגן איין טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע באַוווינט אונדזער שטאָט, קאָן נישט דער מאַגיסטראַט פון קוטנע דערלויבן פונאַנדערצוהענגען די דאָזיקע מעלדונג אויף די 4 שטאָטישע רעקלאַמע־סלופּעס ווייל דער מאַגיסטראַט רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון אַלע שיכטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.
קלעפּאַ, בירגערמייסטער.

ה׳ קלעפּאַ, איבערשיקנדיק צום פאַרשטייער פון „ראַזוווי" אַ בריוו מיטן אויבנ־דערמאָנטן אינהאַלט, האָט וואַרשיינלעך געוואָלט ווערן באַרימט און אַריינגיין אין דער היסטאָריע. און ר׳האָט גוט געשאָסן. אין דער געשיכטע וועט ער יאָ אַריין — ווייל ס׳איז נאָך נישט געווען קיין פאַל אין אונדזער אַרבעט, אַז אַ פּאָליאַק, אַ פאַרשטייער פון מאַגיסטראַט, זאָל פאַרווערן אַרויסצוהענגען פּלאַקאַטן, וואָס זייער אינהאַלט איז אַקצעפּטירט געוואָרן דורך די מלוכהשע אָרגאַנען. מיר האָפן, אַז הער קלעפּאַ וועט זיך פאַרדינען גרויס כבוד אין די יידישע קרייזן. מיטן דאָזיקן רום וועט קיינער פון די וואָס דענקען פּויליש — אים נישט מקנא זיין. דער קרעדאָ פון ה׳ קלעפּאַ איז נישט מער, ווי אַ זייער אינטערעסאַנטער צושטייער צו דערקענען די יידישע געפאַר אויפן געביט פון פאַריידישן דעם פּוילישן גייסט. די געזעלשאַפטלעכקייט וועט טיף פאַרגעדענקען דעם נאָמען פון ה׳ קלעפּאַ און אַנדערע קלעפּאַס. אַלס גוטע בירגער וועלן מיר באַצייכענען נאָר די, וואָס אַפילו אַלס פּשוטע זעלנער וועלן זיי זיך שטעלן אין דער ריי פון די קעמפנדיקע פאַר פּוילנס פּוילישקייט און נישט די וואָס לעקן די טיילווייז שטאַרקע און איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דער אַנאָנימער גרויסמאַכט. הער פּרעזידענט קלעפּאַ! בלויז איין האָר קאָן מען דינען. דאָס זענען די נעגאַטיווע זייטן פון קוטנע, וועלכע כ׳האָב געהאַלטן פּשוט פאַר אַן אַמטלעכן פליכט צו פאַראורטיילן.

אויף צו דערגענצן דאַרף מען צוגעבן, אַז די אַקציע פון פאַקטאָרן, עווענטועל פון נאַציאָנאַלע גרופּן צו אַנטיידישן קוטנע מיט דערפאָלג, ווערט פאַראַליזירט דורך פּערזאָנען, וואָס שטייען ביים רודער פון דער מוניציפּאַלער מאַכט. מיר מיינען, פאַרשטייט זיך, דעם ה׳ קלעפּאַ, וועלכער איז אַ פאַראַדאָקסאַלע קרעאַציע פון אַ נאַציאָנאַליסט־פילאָסעמיט. ערגעץ אַנדערש, אין גרעסערע צענטערס, וואָלט אַזאַ פראַגע, צי דער מאַגיסטראַט איז מערער אָדער ווייניקער פאַריידישט — אפשר זיך פאַרלוירן. אין קוטנע אָבער איז דער ענין מאַגיסטראַט דאָמינירנדיק איבער אַלע אַנדערע. „די שכנים ווייסן ווו ווער עס זיצט" — זאָגט אַ שפּריכ־וואָרט. עס ווייסן דעריבער די פּשוטע, די מינדעסטע, די אַפילו אַמווייניקסטן „אינטעליגענטע", אַז מענדלעוויטש איז נישט געבוירן געוואָרן אין מאַגיסטראַט, נאָר אַז מ׳האָט אים דאָרט אַוועקגעזעצט. זיי ווייסן גוט, אַז דער בירגערמייסטער קלעפּאַ האָט גלייך געגעבן מענדלעוויטשן אַזאַ געהאַלט, וועלכן עס באַקומט אַ

> רעגירונגס־באַאַמטער ווינציקסטנס נאָך צען יאָר מוסטערהאַפטער דינסט, נעמלעך — 8טע קאַטעגאָריע, פּונקט ה׳.
>
> אַלעמען איז באַוווּסט, אַז דער צווייטער „לייב־אַדיוטאַנט" פונעם בירגערמייסטער איז דער מאַגיסטראַט־וואָזשנע, דער ייִד גורקער. יעדן איינעם, וואָס קומט אין מאַגיסטראַט, גיט דער דאָזיקער ייִד באַלד אויפן שוועל אַ בילד פון פאַריידישטן מאַגיסטראַט, באַזונדערס ווען אַזאַ פּעטענט וועט דערהערן דאָס זשאַרגאָנישע גאָנערן פונעם וואָזשנע־ייִד מיט זיינע גלויביקע ברידער־אינטערעסאַנטן. דאַקעגן יעדער אמתער אָרטיקער פּאַליאַק, וועלכער גייט מיט אַן ענין צום בירגערמייס־טער, מוז זיך פריער מעלדן ביי אַזאַ זשידליי מיט אַן אַמטלעכן היטל און אָדלערל — פאַרקריצט פּשוט מיט די ציין פון כעס און באַדויער, אַז אַפילו אַ פּאָסטן פון אַ וואָזשני אין אַ פּוילישן מאַגיסטראַט איז נישטאָ פאַר קיין פּאַליאַק.
>
> קיין וווּנדער דעריבער, אַז אַלע ענינים און באַשטעלונגען, אַפילו די קלענסטע, ווי צ. ב. קויפן צייטונגען, וועט דער דאָזיקער וואָזשני, צי אויפן בפירוּשן באַפעל פון זיין מיטגלויביקן דעם סעקרעטאַר מענדלעוויטש, צי אויף אייגענער איניציאַטיוו און צוליב ייִדישער סאָלידאַריטעט — וועט ער דערליידיקן ביי ייִדן. צום סוף איז אויך באַוווּסט, אַז וועכטער אין שטאָטישן שעכטהויז איז דער ייִד הערש לעווקאָוויטש און די מוליעריי־אַרבעטן אין מאַגיסטראַט פירט אויס אויך דער ייִד שמואל וואַלשטיין.
>
> אַזאַ בירגערמייסטער, וועלכער זיצט גלייכצייטיק אויף צוויי בענקלעך, דעם פּוילישן און ייִדישן, איז גורם צו צעטרענצלען די פּוילישע זאַך אין קוטנע. בפרט נאָך, אַז אויף זיין אַמט געניסט דער בירגערמייסטער פון אַן אונטערשטי־צונג מצד פערזאָנען, וועלכע שטייען בראש פון נאַציאָנאַלן לאַגער אין שטאָט און פּאָוויאַט, וועלכע זעען נישט קיין שאָדן פאַרן נאַציאָנאַלן ענין, טאָלערירן ביי זיך אַזאַ חבר, מאַכן אוממעגלעך די קאָנסאָלידאַציע פון די צעשפּליטערטע פּוילישע כוחות צו באַקעמפן דעם געמיינזאַמען שונא, ווי עס איז מיט איר איינהייטלעכקייט דאָס קוטנער ייִדנטום.
>
> ווען אַלע וועלן דאָס דערזען און פאַרשטיין — איז דערווייל שווער פעסטצו־שטעלן.

א סברה, אַז אַפילו אין וואַרשע האָט מען דערפילט, דאָס די באַשולדיקונגען אויפן אַדרעס פון בירגערמייסטער קלעפּאַ זענען צו האַרבע, איבערגעטריבענע און זיין פילאָסעמיטישקייט איז נישט אַזוי גרויס, ווי די לאָקאַלע און צענטראַלע ייִדן־העצער האָבן אים פאָרגעוואָרפן.

די וואַרשעווער „גאַזעטאַ פּאָראַננאַ—דוואַ גראָשע", פון 19טן סעפּטעמבער 1925, פאַרעפנט־לעכט דעריבער פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ פון קוטנע:

**וואָס איז אמת און וואָס איז נישט אמת**

> נאָכן אָפּדרוקן אין נר׳ 242 פון דער „גאַזעטאַ פּאָראַננאַ" פון 3טן ד. ח. די קאָרעספּאָנדענץ פון קוטנע, וועלכע וואַרפט אַ געוויסן שאָטן אויפן גוטן נאָמען פון אָרטיקן בירגערמייסטער אַלס בירגער און פּאַליאַק, האָבן מיר צונויפגענומען מערער אינפאָרמאַציע בנוגע דעם עצם פאַקט, ווי אויך בנוגע דער פערזאָן פון בירגערמייסטער קלעפּאַ.
>
> ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז אמת דאָס דער ייִדישער לאַוניק מענדלעוויטש האָט זיך אויפגעפירט חוצפהדיק און אַראָגאַנטיש, ווי דאָס איז אונטערגעשטראָכן

אין דער קאָרעספּאָנדענץ, נאָר דאָקעגן בנוגע דעם בירגערמייסטער קלעפּאַ — האָט ער נישט פאַרבאָטן פונאַנדערצוקלעפּן די אַפּישן אין שטאָט; ער האָט בלויז געבעטן, אַז צום פונאַנדערקלעפּן די אַפּישן זאָל מען נישט באַנוצן דעם מאַגיסטראַט־וואָזשנע און פיר שטאָטישע רעקלאָמע־סלופּעס.

אויך דערוויסן מיר זיך, אַז ה׳ קלעפּאַ איז איינער פון די טיכטיקסטע אַרבעטער אין די שטאָטישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין אַ סך פון זיי פאַרנעמט ער דעם אַמט פון פאָרזיצער און בכלל געהערט ער צו די ווינציקע פאָרשטייער פון דער יינגערער גענעראַציע, וועלכע קאַרגן נישט קיין צייט און מי צו טאָן גוטע מעשים.

ה׳ קלעפּאַ האָט אויך מחוץ קוטנע זיך פאַרדינט אָנערקענונג, ער איז דער געוויילטער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון פאַרבאַנד פון די שטעט און פאָרזיצער פון בירגערמייסטער־פאַראיין פון נישט־אויסגעטיילטע שטעט.

מיר דערוויסן זיך, אַז אויפן אַמט פון בירגערמייסטער אין קוטנע, האָט ה׳ קלעפּאַ צו דערפילן אַ זייער שווערע און אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע. ער איז נאָר דער אויספירער, אין גאַנצן אָפּהענגיק פון די באַשלוסן פונעם שטאָטראַט, וואָס זיין מערהייט באַשטייט פון עלעמענטן, וואָס באַציען זיך טיילמאָל פיינדלעך צו די פּוילישע אינטערעסן פון שטאָט. די באַשלוסן פון שטאָטראַט זענען אָפט דענערווירנדיקע פון שטאַנדפּונקט פון פּוילישע געפילן, אָבער שולדיק איז נישט דער בירגערמייסטער, נאָר די איינוואוינער, וועלכע האָבן אַזאַ ראַט אויסגעקליבן און טאָלערירן אים.

אין דער רובריק „לויפנדיקע נייעס״, האָט די צייטונג צו אינפאָרמירן אירע לייענער — מיט דער גיפטיק־העצערישער שפּראַך — וועגן אַזעלכע פאַלן אין קוטנע:

קוטנע, ווי אַלע אַנדערע שטעט אין פּוילן, האָט זיך געגרייט צום פּאָליציייאישן יום־טוב דעם 20סטן סעפּטעמבער ה. י. אַלע שיכטן און גרופּן פון דער אָרגאַניזירטער און אומאָרגאַניזירטער באַפעלקערונג, האָבן זיך געגרייט צו וואָס שענערע אָרויסטריטן, כדי צו באַערן דעם פּוילישן פּאָליציאַנט. עס האָבן זיך אויך געגרייט, נישט שיטנדיק קיין באַרנעס אין אַש, אונדזערע היימישע באָלשעוויקעס. פאַרשטייט זיך, אַז אויף זייער שטייגער, שטיל, ווי די קרעטן, קאָנספּיראַטיוו, דורך פונאַנדערוואַרפן און פונאַנדערקלעפּן פלוגבלעטלעך ביינאַכט.

ערב דעם פּאָליציייאישן יום־טוב, האָט איינער פון די קוטנער איינוואוינער, פאַרבייגייענדיק דעם אַלטן רינעק, באַמערקט עפּעס אַ ייד פונאַנדערקלעפּן אויף די ווענט פון די הייזער קאָמוניסטישע אויפרופן. ער איז צו אים צו, אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געוואָלט איבערגעבן דער פּאָליציי. דער ייד האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן. אַמפּערנדיק זיך מיטן ייד, האָט דער בירגער באַוויזן זיך איינצוקוקן אינעם פּנים פון ידישן באָלשעוויק און עס פאַרגעדענקען. ביים מעלדן וועגן דעם דער פּאָליציי, האָט ער אויך איבערגעגעבן דעם אויסזען פון אַנטלאָפענעם.

אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט די פּאָליציי ענערגיש געזוכט דעם באַשריבענעם באָלשעוויק, באַטראַכט אויפן פּאָסטערונעק פאַרהאַלטענע פון אַ סך — אָבער דער קוטנער בירגער, דער „רואה ואינו נראה״, האָט אין זיי נישט דערקענט קיין איינעם פון יענעם, וועלכן ער האָט געהאַט געכאַפּט.

ענדלעך האָבן די פּאָליציי־זוכונגען געגעבן רעזולטאַטן. אינעם פאַרהאַלטענעם און אויפן געבראַכטן אין פּאָסטערונעק יידל מיטן נאָמען מרדכי־פּרץ פּרינץ —

האָט דער קוטנער איינוווינער דערקענט דעם דורך אים אַמאָל פּאַרהאַלטענעם קאָלפּאָרטער פון דער קאָמוניסטישער ביבולע, וועמענס כאַראַקטעריסטישע „מאַר־דע" האָט זיך גוט איינגעקריצט אין זיין זכרון.

מרדכי־פּרץ פּרינץ, 20 יאָר אַלט, אַ הענדלער, לייקנט חוצפּהדיק אָפּ, אַז ער זאָל האָבן געקלעפּט קאָמוניסטישע אויפרופן און דערביי געכאַפּט געוואָרן.

ס'איז אָנצונעמען, אַז מאָרדקע וועט צורו לאָזן מיט דער טאַקטיק פון לייקענען, וואָס גיט גאָרנישט, און זיך מודה זיין אין זיין שולד, דערביי וועט ער עטוואָס אויפדעקן דעם פּאַרהאַנג, הינטער וועלכער עס זענען טעטיק די קאָמוניסטן. גלייכצייטיק וועלן מיר האָבן אַ באַווייז, אין אַ וואָסער מאָס דער יידישער עלעמענט פאַרפּולט די קאַדרען פון אונדזערע היימישע באָלשעוויקעס. דעמאָלט וועלן אונדזערע האַרציקע פון קוטנער שטאָטראַט, די מענדלעוויטשעס און אַנדערע צאַמבערס, נאָך האָבן די חוצפּה צו ברוגזן זיך פאַרן באַנוצן זיך אין די ס.ס.ס.־אויפרופן די באַצייכענונג „יידיש־באָלשעוויסטישע באַנדיטן" און פאָדערן קרימינאַל פאַר די מחברים?

מיר וועלן פאַרענדיקן אונדזער אַרבעט מיט גרעסערע אויסצוגן און באַריכטן פון עפנטלעכע שטאָטראַט־זיצונגען אין קוטנע, וואָס זענען פאָרגעקומען סוף אָקטאָבער און אָנהייב נאָוועמבער 1925, וועלכע ווערן מיט אַ סך געניויקייט, הגם מיטן געוויינלעכן אַנטיסעמיטישן גיפט, אַרויס־געבראַכט אין די צוויי קוטנער פּוילישע וואָכנשריפטן. ערשט דאָ קומט צום אויסדרוק די ווירדיקע און נאַציאָנאַלע האַלטונג פון אַלע אָן אויסנאַם יידישע ראַטמענער, דער קאַמף וועלכן זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד די יידנפרעסערישע פאַרשטייער און די זאָרג פאַרן וווּיל פון דער יידישער באַפעלקערונג מצד אונדזערע שליחי־ציבור:

## זיצונג פון שטאָטראַט — מאָנטיק, 26.10.25, 8.15 אָוונט

די זיצונג ווערט געעפנט דורכן פאָרזיצער, בירגערמייסטער קלעפּאַ. טאָג־אָרדענונג:

1) איבערלייענען די פּראָטאָקאָלן פון די פריערדיקע זיצונגען. 2) מעלדונג צום ראַט. 3) באַריכט פון רעאַליזירן דעם בודזשעט פאַרן יאָר 1924. 4) באַשטימען די עטאַטן פון די שטאָטישע אַרבעטער, לויט דער פאַראָרדענונג פון מלוכה־פּרעזידענט. 5) מיינונג וועגן צוטיילן פּוילישע בירגערשאַפט חנה־רבקה בענענסאָן, וועלכע וווינט אין קוטנע, אויף דער קרושניעוויעצקע גאַס נומ' 115, ביים ה' טורבאָוויטש. 6) פּאָרשלאָג פון דער בודזשעט־קאָמיסיע איבערצופירן קוטנע צו אַ העכערער קאַטעגאָריע, אויפן געביט פון לוינען פאַר די שטאָטישע אַרבעטער.

נאָכן איבערלייענען די פּראָטאָקאָלן פון די פריערדיקע זיצונגען, טיילט מיט דער פאָרזיצער דעם שטאָטראַט, אַז דער 2טער נאָוועמבער וועט אין גאַנץ פּוילן געפייערט ווערן אַלס יום־טוב פון אומבאַקאַנטן זעלנער, וועמענס געביין וועט יענעם טאָג אריינגעלייגט ווערן אין אַ קבר אין וואַרשע. די שטאָט קוטנע וועט, אויף דער איניציאַטיוו פון דער מיליטערישער מאַכט, אויך פייערלעך באַערן דעם דאָזיקן טאָג, און דער שטאָטראַט ווערט געבעטן צו באַטייליקן זיך אין דער מאַניפעסטאַציע.

דערנאָך האָט דער פאָרזיצער געעפנט די דיסקוסיע וועגן די אַדורכגעלייענטע פּראָטאָקאָלן.

ראַטמאַן צאַמבער מאַכט אויפמערקזאַם, אַז ס'איז אַריינגעפאַלאָסן אַ דרינגענדיקער פאָרשלאַג וועגן דענטיסט מאַסלאָווסקי, אַנגאַזשירט פאַר די פּאָווּשעכנע שולן דורכן בירגערמייסטער. דער פאָרשלאַג־געבער, ה' צאַמבער, האָט אין אַ שרעקלעכן פּויליש ברייט באַגרינדעט זיין פאָרשלאַג, באַנוצנדיק זיך בעת זיין רעדע מיט זיין איינגעבוירענער חוצפּה, כאָרכלענדיקער טומלדיקייט און מיטן קלאַפּן פון צייט צו צייט מיט דער פויסט אין טיש, טעראָריזירנדיק ממש דעם גאַנצן ראַט.

ה׳ צאַמבער וואַרפט קודם כל פאַר דעם בירגערמייסטער, אַז אָן אַ פאַרשטענדיקונג און באַראַטונג מיט די אַנדערע מאַגיסטראַט־מיטגלידער, האָט ער פאַר די אַלגעמיינע שולן אַנגאַזשירט דעם ·גימנאַזיע־דענטיסט ה׳ מאַסלאָווסקי, גיבנדיק אים אַ גרעסערע פענסיע פון די, וועלכע ס׳האָבן געפאָדערט אַנדערע דענטיסטן אין זייערע אָפערטעס.

דערנאָך האָט ה׳ צאַמבער ווידער אַטאַקירט מאַסלאָווסקין, אָפזאָגנדיק אים אַלע קוואַליפיקאַציעס אַלס שול־דענטיסט, ווייל לויט אים, איז מאַסלאָווסקי אַ גרויזאַמער — שלאָגט די קינדער מיט אַ שפּיצרוט, וואָס ער טראָגט מיט זיך כסדר, איז אומיושרדיק, באַהאַנדלט אַנדערש קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן און אַנדערש — אָרעמע קינדער. מאַסלאָווסקי האָט נישט קיין דענטיסטישן קאַבינעט און די קינדער נעמט ער אָן אויפן ביידעמל פון דער שטאָטישער באָד, ווו ער וווינט. צוליב די דאָזיקע סיבות איז קיינער נישט צופרידן פון ה׳ מאַסלאָווסקי — נישט די עלטערן, נישט די קינדער, נישט דאָס שול־קוראַטאָריום, אויף וועלכע מאַסלאָווסקי האָט זיך באַקלאָגט פאַרן שולראַט.

„פאַר וואָס צאָלן מיר?״ האָט מיט פאַטאָס אויסגערופן דער ראַטמאַן צאַמבער, און צום סוף פאָרגעלייגט אויסקלויבן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון דריי ראַטמענער, וואָס זאָל באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין.

די ראַטמענערין ר. פודאַלאָוויטש („בונד״) שטיצט צאַמבערן, האַלטנדיק פאַר נישט פּאַסיק די האַנדלונג פון בירגעמייסטער, צוליבן אַנגאַזשירן אויף אייגענער האַנט דעם דענטיסט.

דער פאָרזיצער קלערט אויף, אַז אין נאָמען פון מאַגיסטראַט האָט ער געהאַט רעכט צו אַנגאַזשירן מאַסלאָווסקין, וואָס איז אויך אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס פון שטאָטראַט. דאָס שטערט אויך נישט דעם שטאָטראַט, אויב ר׳איז פון דענטיסט נישט צופרידן — פאָדערן אים צו באַזייטיקן.

ער וואַרפט אויך אָפּ די טענות, אַז מאַסלאָווסקי באַזיצט נישט די געהעריקע קוואַליפיקאַציעס, ווייל ער האָט אַ לענגערע פּראַקטיק, געווען מיליטערישער דענטיסט, איצט איז ער דענטיסט אין די גימנאַזיעס. אַחוץ דעם איז ער רעקאָמענדירט געוואָרן דורכן קוראַטאָריום, און דאָס אַליין איז דער בעסטער אַטעסטאַט פון זיינע קוואַליפיקאַציעס אַלס שול־דענטיסט.

דערנאָך איז איבערגעלייענט געוואָרן די אינטערפּעלאַציע פון די יידישע ראַטמענער וועגן סאַניטאַר־זיטלעכן פונקט צו אונטערזוכן פּראָסטיטוטקעס, וועלכער געפינט זיך אין דער יידישער באָד (מקווה), לעבן בית־הכנסת. (דער „פונקט״ איז אין יאָר 1915 געשאַפן געוואָרן דורך די דייטשן, וועלכע האָבן געהאַט אָקופּירט קוטנע).

דער פאָרזיצער קלערט אויף, אַז בשעתו האָט ער אויף דער יידישער אינטערפּעלאַציע אינטערוועגירט אין דער פראַגע אין סטאַראָסטווע, צו וועמענס קאָמפּעטענצן דער ענין געהערט, ווייל דער אויבנדערמאָנטער „פונקט״ ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער פּאָוויאַטאָווער סאַניטאַרער מאַכט. די סטאַראָסטווע האָט דעמאָלט מסכים געווען צו באַפרייען די געביידע, אויב דער מאַגיסטראַט וועט געבן אַן אַנדערן אַנטשפּרעכיקן לאָקאַל.

ר. אייזמאַן (אָרטאָדאָקסן) באַקלאָגט זיך צוליבן אויסהאַלטן דעם סאַניטאַרן פונקט צו באַהאַנדלען פּראָסטיטוטקעס אין שכנה׳שאַפט פון דער שיל, זעענדיק דערין אַ פּראָפאַנאַציע פון די יידישע רעליגיעזע געפילן. ער לייגט פאָר, אַז דער מאַגיסטראַט זאָל אין דער פראַגע ווידער זיך ווענדן צום סטאַראָסטווע (ר. צאַמבער שאָקלט איראָניש מיטן קאָפּ, ער לאַכט).

ר. צאַמבער לייגט פאָר, אַז די שטאָט זאָל קויפן דעם לאָקאַל און וועגן פאָרשלאָג פון אייזמאַנען צו ווענדן זיך צום סטאַראָסטע, האַלט ער, אַז ס׳איז דאָס אייגענע, ווי מע וואָלט אין דעם ענין זיך געווענדט צ. ב. צום ד״ר טראַטשעווסקי (צאַמבערס אַנאַלאָגיע צווישן דעם סטאַראָסטע און ד״ר טראַטשעווסקי איז ביי אים אַוודאי די גלייכמעסיקייט פון זייערע געפילן כלפּי יידן).

צאַמבערס פאָרשלאַג צו קויפן דורך דער שטאָט אַן אַנטשפּרעכיקן לאָקאַל, האַלט דער פאָרזיצער פאַר אַ צו טייערע זאַך און אפילו פאַר נישט אויספירבאַר, ווייל ס'איז צו צווייפלען, אַז וועלכער פּריוואַטער בעל־הבית וועט מסכים זיין אין אַ הויז מיט לאָקאַטאָרן איינאָרדענען אַזאַ קאָנטראָל־פּונקט.

צאַמבער רוקט דעריבער אַרויס אַ דעמאָנסטראַטיוון פאָרשלאַג אַריבערצוטראָגן דעם סאַניטאַר־זיטלעכן פּונקט אין דער ניי אויסגעבויטער שטאָטישער באָד, ווו „די פרויען וועלן קומען אויף אונטערזוכונגען".

דער לאַוויק מענדלעוויטש, נישט וועלנדיק בלייבן הינטערשטעליק פון צאַמבערן, לייגט פאָר אַן אידיאָטיש־נאַרישן און וויציקן פאָרשלאַג איינצואָרדענען דעם פּונקט אויף 10 יאָר אין יידישן באָד און אויף נאָך 10 יאָר — אין שטאָטישן באָד.

אַז די תשובה ראַטמענער האָבן אויף דער טעמע זיך אָנגערעדט צו דער זעט — און די קרעפטיקע יידעלעך האָבן געשפּיגן מיט דער גאַל — איז נאָך העכער אַ שעה צייט וועלגערן דעם קליינעם ענין, אָנגענומען געוואָרן דער קאַפּיטאַלער באַשלוס, אַז דער מאַגיסטראַט ווערט באַפולמעכטיקט צו פאַרהאַנדלען מיטן סטאַראָסטווע.

אַלזאָ, דאָס זעלבע, וואָס איז געווען מיט חדשים צוריק, צי אַפילו מיט אַ יאָר צוריק.

...מ'איז צוגעטרעטן באַהאַנדלען דעם ווייטערדיקן פּונקט פון סדר־היום; אַרויסברענגען אַ מיינונג וועגן צוטיילן פּוילישע בירגערשאַפט דער יידישקע חיה־רבקה בענענסאָן פון קוטנע.

איר ענין האָבן אונטערגעשטיצט מיט גוטע מיינונגען די ראַטמענער צאַמבער, אייזמאַן, פּיאַסקאָווסקי און דער וויצע־בירגערמייסטער פּאַנגאָווסקי.

דער פאַרגרעסערטער נומער 12 פון „גלאָס קוטנאָווסקי" (6 זייטן!), האָט אַ העלפט פון דער צייטונג געווידמעט דעם ווייטערדיקן באַריכט פון דער שטאָטראַט־זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַרזעצונגען — דעם 25.10.25 און דעם 3.11.25. מיר נעמען אַרויס פון דאָרט די וויכטיקסטע שטעלן, באַזונדערס די, ווו עס זענען געקומען צום אויסדרוק די יידישע ראַטמענער.

...די פראַגע פון קויפן דורך דער שטאָט דעם פּאַרק פון זאַוואַדזקין, וואָס האָט פיגורירט אויפן סדר־היום פון דער זיצונג, האָט אַרויסגערופן אַ באַדייטנדיקע פאַראינטערעסירונג און צונויפגעבראַכט אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסן פלענום ראַטמענער, ווי אויך אַ פולע גאַלעריע.

די זיצונג עפנט דער פאָרזיצער ה' קלעפּאַ און פאַרן צוטרעטן צו דער טאָג־אָרדענונג, טיילט ער מיט דעם שטאָטראַט, אַז לזכר דעם אומבאַקאַנטן זעלנער, איז אויפן קוטנער צמענטאַזש אויפגעבויט געוואָרן אַ דענקמאָל. די שטאָט דאַרף עפעקטיוו באַטייליקן זיך אינעם אויפבוי, דעקנדיק אַ העלפט, אַפילו דרייפערטל פון די אויסגאַבן. מ'דאַרף באַשטימען אויף דעם צוועק די אַנטשפּרעכנדיקע סומע. אַזוי ווי ס'האָט קיינער נישט גערעדט פאַר אָדער קעגן — איז דער פאָרשלאַג איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

נאָכן אויסבעסערן אַ וואָרט אינעם פּראָטאָקאָל, איז מען צוגעטראָטן צו דער פראַגע פון קויפן זאַוואַדזקיס פּאַרק. דער פאָרזיצער קאָנטראָלירט די צאָל אַנוועזנדיקע, ווייל לויטן רעגולאַמין מוז, ביים אָננעמען אַ באַשלוס וועגן איינקויפן אָדער פאַרקויפן שטאָטיש פאַרמעגן, זיין אַנוועזנדיק אַ קוואַליפיצירטע מערהייט פון צוויי דריטל ראַטמענער. דער פאָרזיצער אינפאָרמירט, אַז דער פּאַרק־אייגנטימער ה' זאַוואַדזקי פאָדערט פאַרן גאַנצן קאָמפּלעט 250.000 זלאָטעס, פון וועלכע 100.000 דאַרף מען באַצאָלן היי־יאָר, און די איבעריקע 150.000 צעלייגן אויף ראַטעס אין משך פון עטלעכע יאָר, ביי אַ געהעריקער פּראָצענטירונג. דער בירגערמייסטער האָט געזאָגט, אַז דער פּרייז איז נישט קיין איבערגעטריבענער, אַז דאָס קויפן דעם פּאַרק איז פאַר דער שטאָט אַ גלענצנדיק געשעפט, אַ געלעגנהייט.

ר. פודאַלאָוויטש מאַכט אויפמערקזאַם, אַז דער ענין פון אָפּקויפן זאַוואַדזקיס פּאַרק איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן דורך דער בודזשעט־קאָמיסיע, מע ווייסט נאָר נישט איר באַריכט.

ר. צאַמבער שטעלט פעסט, אַז דער ענין האָט זיך שוין געפונען אין דער בודזשעט קאָמיסיע און ער לייגט פאָר איבערצושיקן דעם ענין צוריק אין דער קאָמיסיע, כדי אים גענוי באַהאַנדלען. דער פאָרזיצער ענטפערט צאַמבערן, אַז דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער פּאַרק איז מאַלאַריש, דאַקעגן האָט דער וואַלד־אינספּעקטאָר פון גאָסטינין, ה׳ גיזשינסקי, פעסטגעשטעלט, אַז נאָך אַ געהעריקן אויסהאַקן די ביימער און אויסטריקענען דעם באָדן, וועט דאָס פאַרבייטן דעם איצט פייכטן שטח אויף אַ לגמרי געזונטן פּאַרק — נישט פאָרשטעלן קיין שוועריקייטן.

ר. קאַסטראָ איז קעגן איינקויפן דעם פּאַרק, ער האַלט אַז ס׳איז וויכטיקער אַדורכצופירן אייניקע אינוועסטיציעס.

ל. נאָוואַקאָווסקי חזרט איבער די רייד, אַז דער פּאַרק איז אַ געלעגנהייט און ממש אַ מציאה פאַר דער שטאָט — און מע דאַרף אים קויפן.

ר. פודאַלאָוויטש איז ביי דער מיינונג, אַז ס׳איז בעסער אויפצובויען עטלעכע שולן (נאָטירלעך — יידישע, באַמערקונג פון הבחור הזעצער) און לייגט פאָר אַריבערגיין איבער דעם ענין צום טאָג־אָרדענונג.

ראַטמאַן יוזעף שימאַנסקי טרעט אַרויס פאַר איינקויפן דעם פּאַרק.

דער לאַווניק מענדלעוויטש האַלט, אַז אַן אויסגאַבע פאַר דער שטאָט פון 30.000 זלאָטעס, ביי אַ בודזשעט וואָס באַטרעפט 400 טויזנט זלאָטעס, איז גאָרנישט קיין גרויסע. דאָס איבעריקע וועט מען קאָנען אויסצאָלן דעם ה׳ זאַוואַדזקי, אויב ר׳וועט מסכים זיין צו צעלייגן דעם חוב אויף 6 יאָר.

די דיסקוסיע ווערט איבערגעריסן אויפן פאָרשלאַג פון פאָרזיצער, וועלכער פאַראָרדנט אַ זיצונג ביי פאַרמאַכטע טירן.

נאָכן איבעררייס, האָט ה׳ גראַדאָווסקי, ענטפערנדיק אויף דער עפנטלעכער באַשולדיקונג פון צאַמבערן, אַז פון זיין גאַנצער אַרבעט דערליידיקט ער העכסטנס דריי צעטלען אַ טאָג — געגעבן אַ ברייטן איבערבליק פון זיין טעטיקייט אין מאַגיסטראַט.

ר. צאַמבער איז, נאַטירלעך, נישט געבליבן שולדיק. ער נעמט אַ וואָרט. אין אָנהייב אַ פאַרלאָרענער, זעט מען, אַז טראָץ זיין איינגעבוירענער הוצפה און עכט־יידישער אַראָגאַנץ — איז ער צוגענאָגלט געוואָרן פון גראַדאָווסקיס דערקלערונג. ר׳האָט זיך געדרייט ווי אַ פיש און געפּלאָנטערט מיטן ענטפער, נישט אַהין, נישט אַהער. ר׳איז אָבער שנעל געקומען צו זיך. און ערשט דאָ האָט מען געקאָנט זען דעם סטיל־קאָנצערט פון דער פערפידער, אַרויסדרייערישער און סאָפיסטישער עלוקובראַציע פון דעם דאָזיקן ייד, וועלכער סוגערירט און מאַיאָריזירט גאַנץ פולן מיט זיין כאַראַקטעריסטישער פאַרריסנקייט. דער באַשולדיקטער איז איבערגעגאַנגען צו דער ראָל פון אַ באַשולדיקער און ביסלעכווייז אויפגעהויבן דאָס קול, זעצנדיק מיט דער פויסט אין טיש, געליאַרעמט מיטן כאַרכלענדיקן פויליש־יידישן זשאַרגאָן.

מ׳איז צוגעטראָטן צו דער דעבאַטע איבערן דרינגענדיקן פאָרשלאַג פון ה״ה קירשבוים, פודאַלאָוויטש, פּיאַסקאָווסקי און חברים, אָפּצושטעלן דאָס העכערן דירה־געלט און דערקלערן אַ מאָראַטאָריום פאַר די אַרבעטלאָזע.

דער לאַווניק נאָוואַקאָווסקי האַלט דעם פאָרשלאַג פאַר אומלאָגיש, ווייל אין פאַל פון אָננעמען אים, וועט דאָס ווירקן צו צוימען דעם הייזער־בוי. ער לייגט פאָר איבערצוגיין צום טאָג־אָרדענונג און איבערשיקן דעם פונקט אין סיים (געלעכטער אויף די יידישע בענק).

ר. פודאַלאָוויטש: „טאָקע דאָס וויל איך...״ זי ווונדערט זיך נישט אויפן לאַווניק נאָוואַקאָווסקי, אַז ער פאַרטיידיקט דעם קלאַס, צו וועלכן ער באַלאַנגט, ד. ה. דעם באַזיצנדיקן

קלאַס, און דעריבער קען ער מיט אַזאַ לייכטקייט פאָרלייגן אַריבערגיין צום טאָג־אָרדענונג. היינט באַטרעפט דאָס דירה־געלט 44% פון פאַר דער מלחמה און פון יאַנואַר 1926 וועט עס דערגיין ביז 50%, וואָס מיינט אַ פערטל פונעם בודזשעט פון אַ דורכשניטלעכן אַרבעטער. זי האַלט, אַז מיט אַזאַ רעזאָלוציע דאַרף מען זיך ווענדן צום סיים.

ר. צאַמבער וואַרפט פאָר אין אַ שאַרפער פאָרם דעם לאַווניק נאָוואַקאָווסקי און שימאַנסקין זייער שטאַנדפּונקט, אַנרופנדיק זיי ביי די נעמען, צוליב וועלכן דער פאָרזיצער רופט אים צו אָרדענונג. ער פרעגט, וויפל הייזער זענען צוגעקומען, זינט מ'האָט איינגעפירט דאָס געזעץ וועגן פונאַנדערבוי (דער פאָרזיצער: 2 הייזער היי־יאָר!). דער רעדנער ווייזט ווייטער אויף, אַז די רעזאָלוציע איז אָן השפּעה אויף דער ענערגיע, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין בויען נייע הייזער, באַפרייטע פון לאָקאַטאָרן־שוץ, נאָר די רעזאָלוציע איז נוגע בלויז אַלטע הייזער.

אויף דער זיצונג פון שטאָטראַט (3.11.25) שטעלט זיך אויף פייערלעך לאַווניק מענדלעוויטש און נעמט אַ וואָרט. מ'זעט, אַז ער האַלט אין בוזעם עפּעס אַ „באָמבע", וועלכע רייצט אים...

ביי אַן אַלגעמיינער שטילקייט, זאָגט ער:

— נעכטן אין אָוונט איז אַ גרופּע ראַטמענער זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג וועגן דער ניי־אויפגעבויטער שול־געביידע. אַזוי ווי פון שטאָטישן בודזשעט האָט מען אויף דעם שול־בנין אויסגעגעבן 125.000 זלאָטעס און דאָס געלט איז הויפּטזעכלעך איינגעפלאָסן פון יידישע שטייער־צאָלערס, וואָס מיינט אַז די שול איז אין רוב אויפגעבויט געוואָרן פאַר יידיש געלט — דאַרף דעריבער די שול, אויב נישט אין דער העלפט, כאָטש אין גרעסערן טייל, איבערגעגעבן ווערן צום נוצן פאַר יידישע קינדער. דערווייל וועלן יידישע קינדער נישט געניסן פון דער דאָזיקער שול. אַזוי ווי ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַן ענלעכע געשיכטע קאָן אין דער צוקונפט פאָרקומען מיטן פאַרק — האָט דעריבער די יידישע גרופּע באַשלאָסן נישט דערלאָזן קויפן דעם פאַרק.

דער פאָרזיצער: דער איצטיקער ענין פאַרק דאַרף מען אָוועקשטעלן קלאָר און אָפן און דעפיניטיוו דערלעדיקן. זאָל די שטאָט וויסן ווער ס'איז פאַרן איינקויפן דעם אַזוי נייטיקן פאַרק און ווער קעגן און זאָל זי גלייכצייטיק וויסן צי מען קאָן זיך נוקם זיין אין דער שטאָט פאַר אַן ענין, וועלכער האָט נישט קיין שום שיכות מיטן פאַרק. דער שול־ענין איז נאָך אַן אָפענער און נישט פאַרענדיקטער. כל־זמן ס'וועלן אין קוטנע נישט זיין גענוג שולן — וועלן אויף דעם באָדן שטענדיק זיין רייבונגען.

דערנאָך ווענדעט זיך דער פאָרזיצער צום לאַווניק מענדלעוויטש און בעט אים נישט אָפּערירן אין זיינע אַרויסטרעטונגען מיט פאַראַלגעמיינערונגען, דערצו נאָך אומבאַגרינדעטע, ווי צ.ב. ווער עס צאָלט מערער שטייערן — פּאָליאַקן, צי יידן, ווייל אַזעלכע פאַראַלגעמיינערונגען שטיצן זיך בלויז אויף השערות, פּשוט דערפאַר ווייל דער מאַגיסטראַט פירט נישט קיין שטייערן־סטאַטיסטיק.

וועגן קויפן דעם פאַרק, דערקלערט דער פאָרזיצער, אַז פאַר דעם איז ביז דער לעצטער מינוט געווען דער לאַווניק מענדלעוויטש גופא, וועלכער טרעט איצט אַרויס אַזוי שאַרף קעגן דעם. דערביי פאַרופט ער זיך אויפן ראַטמאַן אייזמאַן, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געווען אַ קעגנער איינצוקויפן דעם פאַרק, נאָר פון פרייטיק אָן, ווען ער האָט אַלס קאָמיסיע־מיטגליד באַטראַכט דעם פאַרק, האָט ער שנעל געענדערט זיין מיינונג און סיי אַלס מבין, סיי אַלס סוחר, האָט ער געפּסקנט, אַז דער פאַרק וועט זיין אַ גוטער איינקויף פאַר דער שטאָט. ער שטעלט זיך ברייטער אָפּ אויף דער פינאַנסיעלער זייט פון דער טראַנזאַקציע און פאָדערט פון שטאָטראַט צו באַשטעטיקן דעם קויף.

ר. צאַמבער דערקלערט, אַז צו דער קאַלקולאַציע וועלכע איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דורכן פאָרזיצער, האָט ער נישט אינגאַנצן קיין צוטרוי, דערפאַר, ווייל וויפל מאָל די פינאַנס־

בודזשעטאַרע קאָמיסיע האָט באַהאַנדלט פאַרשידענע אינוועסטיציעס, ווי צ. ב. לייגן טראָטואַרן פונעם וואָקזאַל ביזן גימנאַזיום, דורך דער גאַנצער שטאָט, אָדער די פראַגע פון קאַנאַליזאַציע — האָט דער מאַגיסטראַט כסדר דערקלערט, אַז ר׳האָט נישט קיין געלט.

איצט, ווען ס׳האַנדלט זיך אין קויפן דעם פּאַרק, דערקלערט דער פאָרשטייער פון מאַגיס־טראַט, אַז אויף דעם צוועק איז דאָ אין קאַסע 30.000 זלאָטעס. פון וואַנען האָבן זיך פלוצים גענומען די געלטער?

לאַוניק מענדלעוויטש: דער פאָרזיצער האָט מיר געמאַכט אַ פאָרוואורף, אַז איך באַנוץ זיך מיט פאַראַלגעמיינערונגען, זאָגנדיק, אַז יידן צאָלן מערער שטייערן ווי די פּאָליאַקן. איך קען דאָס באַווייזן. אָבער אַפילו יידן זאָלן נישט צאָלן קיין איין גראָשן שטייערן, קומט זיי דאָך גלייכע רעכט!

די ראַטמענער הייבן זיך לאַנגזאַם אויף פון די ערטער. אַ קענטיקע הייטערקייט מערקט זיך צווישן די יידישע ראַטמענער, וועלכע האָבן אין דעם מאָמענט, אָן אונטערשיד פון זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען, זיך צונויפגעדרענגט אין אַ גרופּע. צווישן די לײדנשאַפטלעכע פּאָלעסטינטשיקעס, יונגע און אַלטע, זענען געווען צום אַקטיוויסטן צווײ: צאַמבער און מענדלעוויטש בייגט זיך אַפילו אָן צום אויער פון דער עקסטרעם באַלשעוויזירנדיקער לינקער גרופּע („בונד״) אין דער פּערזאָן פון דער ראַטמענערין פּודאַלאָוויטש און דעם צווייטן ייד. זשעסטיקולירנדיק לײדנשאַפטלעך, קלערט ער עפּעס אויף אין איילעניש. די ערנסטע, אין לאַנגע כאַלאַטן אָרטאָדאָקסן, אייזמאַן און בראַמבערג, שאָקלען מיט די בערד און פינטלען כיטרע מיט די אויגן. זיי זענען שוין „אָפּגעבלאַטעוועט״ פון די פּראָגרעסיווע אָן פּיאות, בערד און כאַלאַטן.

די פינף מינוט גייען פאַרביי און מע זעט שוין די מויער פונעם איינהייטלעכן יידישן סאָלידאַריזם. אין די קולואַרן פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז מע וועט שטעלן צו דער אָפּשטימונג דעם פאָרשלאָג וועגן אָפּלייגן דעם ענין פון קויפן.

נאָך אַ ווייטערדיקן ווערטער־אויסטויש, איז געשטעלט געוואָרן שימאַנסקיס פאָרשלאָג צו דער אָפּשטימונג. אַלע אָן אויסנאַם יידישע ראַטמענער האָבן געשטימט קעגן, וועלנדיק אַזוי אַרום זיך נוקם זיין, לויט זייער דערגרייכטן הסכם צווישן זיך — פאַרן ענין פון דער שול...

וועגן די פריער דערמאָנטע זיצונגען פון שטאָטראַט, שרייבט די אַנדערע קוטנער וואָכנ־שריפט „גלאָס קוטנאָווסקי״ (נומ׳ 46, 15.11.25):

## יידישע אָבסטרוקציע

„די יידישע ראַטמענער אין שטאָטראַט, האָבן אָנגעזאָגט אַ שטענדיקע אָבסטרוקציע און געדראָט, אַז קיין שום באַשלוס וועט אָן זייערע שטימען נישט אַדורכגיין. די סיבה דערצו איז די אַנטוישונג, וואָס האָט געטראָפן די יידן אין דער ניי־אויפגעבויטער שול־געביידע. אַנומלט האָט דער שטאָטראָט אָנגענומען אָן אומבאַרעכנטן באַשלוס, אַז אין דער נייער שול דאַרפן לערנען יידישע קינדער. פאַרשטייט זיך, אַז די שול־מאַכט האָט נישט אויסגעפירט דעם באַשלוס. דערפון דער כעס פון די יידן, וועלכע האַלטן, אַז זיי ווערן באַעוולט, זיי פאָדערן אַפילו באַזונדערע יידישע שולן, מיט ייִדיש אַלס אונטעררייכט־שפּראַך.

לאָמיר זיך צוקוקן אַ וואָסער עוולה געשעט די קוטנער יידן. פאַר פּוילישע קינדער זענען נישט פאַראַן קיין באַזונדערע שולן. דאַקעגן די יידן האָבן פאַר זייערע קינדער אַ יידישע שול, אין וועלכער קיין קריסטן ווערן נישט אָנגענומען. אַחוץ דעם ווערן יידישע קינדער אָנגענומען אין די אַלגעמיינע שולן, ווו עס לערנען פּוילישע קינדער. ס׳איז דעריבער צו זען, אַז די יידן געניסן פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס און אַז זייער עוולה איז אָן אויס־

געטראַכטע. די רעגירונג האָט נישט קיין פליכט אויפצושטעלן פאַר זיי באַזונדערע שולן, ווייל קודם כל דאַרף מען איינפירן אַן אַלגעמיין שול־וועזן, ד. ה. — שולן פאַר אַלע. אמת, פאַראַן אַ פאַרשריפט וועגן דעם, אַז יידן קענען באַקומען שולן, אין וועלכע מען לערנט נישט אין שבת, ד. ה. שולן פאַר יידישע קינדער, דאָרט ווו עס וועט זיך פאַרשרייבן אַן אַנטשפּרעכנדיקע צאָל. אָבער דאָס איז זייער רעכט און דער חוב פון דער רעגירונג. דאָס איז אַ רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט און יידן דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען אַ מינדערהייט.

אין אַזאַ קוטנע דערלויבן זיך איצט די יידן אויף זייער נישט אויסגעהאַלטענע און ממש פּראָוואָצירנדיקע פּרעטענסיעס און פאָדערונגען, ווייל זיי פילן, אַז זיי זענען פאַראַן אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסער צאָל. זיי זענען אָבער אַ מינדערהייט און דאַרפן פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע מינדערהייט קען נאָך פאַרקלענערט ווערן. נישט ווייט איז די צייט, אַז קיין קוטנע וועלן קומען 10 טויזנט באַן־אַרבעטער, קריסטן. דעמאָלט וועט זיך ענדיקן די פּראָפּאַרץ. די דראָונגען פון די אומבאַרעכנטע יידן קאָנען זיין געווענדט קעגן זיי גופא.

✡

אַזוי האָבן אויסגעזען די יידיש־פּוילישע באַציונגען אין קוטנע מיט אַ 40 יאָר צוריק. מיט ענדערונגען, ירידות און עליות, האָט זיך געשטאַלטיקט דאָס צוזאַמענלעבן פוןביידע פעלקער. ביז ס׳איז געקומען דער בלוטיקער מבול און אַלץ אָפּגעווישט — אויך דעם טרוים פון די לאָקאַלע אַנטיסעמיטן צו פאַרוואַנדלען די פּוילישע מינדערהייט אין אַ מערהייט, מיטן אַראָפּ־ברענגען קיין קוטנע 10.000 באַן־אַרבעטער. אין יאָר 1940 איז קוטנע איינגעשלאָסן געוואָרן אין „דריטן רייך" — און די דייטשן האָבן אָנגעהויבן קאָלאָניזירן און גערמאַניזירן די געגנט, כדי, ווידער, די פּאָליאַקן פאַרוואַנדלען אין אַ מינדערהייט...

די געשיכטע, מיט אירע קאַפּריזן, פּורעניותן און אומוואַנדלונגען — האָט זיך איבער־געחזרט. אָבער קוטנער יידן זענען שוין נישט געווען קיין גורם אין דעם געראַנגל. זיי האָבן געטיילט דעם טראַגישן גורל פון די פאַרשניטענע 3 מיליאָן פּוילישע יידן...

(ספר קוטנה והסביבה, ת״א 1968)

## דראָהיטשין — אויפשטייג און אונטערגאַנג פון אַ שטעטל

אין 1938, אַ יאָר פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, האָט דער אומבאַדייטנדיקער און ווינציק באַקאַנטער ישוב אויפן טייך בוג, דראָהיטשין, געפייערט זיינעם אַ בכבודיקן יובל: 900 יאָר עקזיסטענץ! דער דאָזיקער יחוסדיקער געבורטסטאָג איז אָבער אויסגעפאַלן אין אַ צייט, ווען דראָהיטשין האָט זיך גערעכנט פאַר דער סאַמער קלענסטער שטאָט אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוודסטווע, מיט אַ באַפעלקערונג פון בסך־הכל 2800 איינוווינער, בעת אין אַמאָליקע צייטן איז זי געווען אַ וואָיעוואָדישע שטאָט און נאָך פריער — אפילו די הויפּטשטאָט פון אַן אונטערגעגאַנגענער מדינה — יאַטשוויעזש און פאַרשווונדענעם שבט — יאַדזשווינגן.

דראָהיטשין געהערט אוודאי צו די געציילטע אָרטשאַפטן מיט אַ קנאַפּער טויזנט־יאָריקער געשיכטע, וואָס זאָל האָבן אויסגעטראָגן אַזוי פיל מלחמות, שריפות, עפּידעמיעס, הונגער, קאָנטריבוציעס, שחיטות, פאַרפלייצונגען, אָקופּאַציעס און איבערפאַלן מצד די יאַדזשווינגען, רוסן, ליטווינער, טאָטערן, שוועדן, קרייץ־צוגלער, פּאָליאַקן, אונגאַרן און דייטשן. זעלטן ווען אַ ישוב זאָל האָבן אַדורכגעמאַכט אַזאַ גרויסע צאָל קאַטאַקליזמען און אומוואַנדלונגען ווי דראָהיטשין. אָט איז ער זוכה צו אַ בלי־פּעריאָד און באַדייטנדיקן אויפבוי, כדי דערנאָך

זיך דערקייקלען צום אָפּגרונט, פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חורבה — און ווידער זיך שטעלן אויף די פֿיס.

ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ ישוב, וועלכער האָט הינטער זיך אַזאַ רייכע און שטורמישע געשיכטע, פֿעלן ניט קיין היסטאָרישע מקורות, ספֿרים, ענציקלאָפּעדיעס, לעקסיקאָנען און צייטשריפֿטן, ווו ס'איז באַשריבן די מאַרטיראָלאָגיע פֿון דער שטאָט זינט דעם יאָר 1038. אַ דאַנק דער פֿריינדלעכקייט פֿון דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק („ביבליאָטעקאַ נאַראָדאָוואַ") אין וואַרשע, וועלכע האָט צוגעשיקט פֿאָטאָסטאַטן פֿון די וויכטיקסטע מאַטעריאַלן וועגן דראָהיטשין, איז מעגלעך צונויפֿצושטעלן דעם היסטאָרישן איבערזיכט פֿון אַ ישוב, ווו עס האָט אויך געלעבט, געשאַפֿן, געווירקט און טראַגיש אומגעקומען אַ יידישע קהילה. טאַקע לזכר דער דאָזיקער קהילה וועט דראָהיטשין באַרייכערט ווערן מיט נאָך אַ בוך וועגן דער שטאָט: אַ ספֿר יזכור, צונויפֿגעשטעלט פֿון דער שארית הפּליטה, כדי פֿאַרייביקן זייערע נאָענטע און טייערע, וועלכע זענען דורך די דייטשע רוצחים און זייערע העלפֿערס, אומגעקומען על קידוש השם.

געווען צייטן, ווען דראָהיטשין איז געווען אַ צעטיילטער ישוב און געבילדעט בעצם צוויי באַזונדערע אָרטשאַפֿטן. אַזוי צ. ב. געפֿינען מיר אינעם „געאָגראַפֿישן ווערטערבוך פֿון פּוילישן קעניגרייך", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין 1881, די ווייטערדיקע באַשרייבונג פֿון צוויי דראָהיטשינס, פֿון וועלכע מיר נעמען אַרויס גרעסערע שטעלן.

דראָהיטשין פּאָדלאַסקי, אַ ישוב, פֿריער אַ שטעטל אויפֿן בוג, די אייגנטלעכע פֿאָרשטאָט פֿון דער שטאָט דראָהיטשין, וואָס ליגט אויפֿן קעגנאיבערדיקן, רעכטן ברעג פֿון בוג; סאָקאָלאָווער פּאָוויאַט, גמינע קורטשעוו, פּאַראַפֿיע קניכווועק. ציילט איצט 26 הייזער, 243 איינוווינער. געווען אַמאָל די הויפּטשטאָט פֿון די יאַדזשווינגן און געבילדעט איין גאַנצקייט מיט דער צווייטער שטאָט אויפֿן רעכטן ברעג.

לויט רוסישע כראָניקס, האָט דער ישוב באַדאַרפֿט געגרינדעט ווערן אין יאָר 1061. דער היסטאָריקער נאַרושעוויטש איז ביי דער מיינונג, אַז אַ טייל פֿון די יאַדזשווינגן, זוכנדיק אַ זיכערן אָרט, האָט צום אָנדענק פֿון געוועזענעם דראָהיטשין, געגרינדעט דאָ זייער הויפּט־שטאָט מיטן זעלבן נאָמען. אין צוועלפֿטן יאָרהונדערט האָט דער ישוב געהערט צו די מאַזאָווער פֿירשטן. קאָנראַד דער ערשטער האָט זיי אין יאָר 1237 אָוועקגעגעבן דעם אָרטיקן שלאָס מיט אַ סך באָדן צווישן בוג און נור, אַזש ביז די גרענעצן פֿון רייסן, כדי זיי זאָלן באַשיצן מאַזאָווער פֿון פֿיינדלעכע איבערפֿאַלן. אין יענעם יאָר האָבן די דאָבזשינער קלויסטער־ברידער ניט געוואָלט זיך פֿאַרייניקן מיט די קרייץ־צוגלער. ווייזט אויס, אַז די רעשטלעך פֿון די דאָבזשינער מאָנאַכן זענען דאָ אומגעקומען אין יאָר 1240, ווען די טאָטערן האָבן פֿאַרניכטעט דראָהיטשין און די גאַנצע סביבה. אויסנוצנדיק די אַלגעמיינע מפּלה, האָט דער ליטווישער פֿירשט מענדאָג באַהערשט די שטאָט, זי אויפֿגעבויט און... איינגעשלאָסן צו ליטע. די רייסערייען צווישן די ליטווישע פֿירשטן האָבן געגעבן אַ געלעגנהייט דעם מאַזאָווער פֿירשט יאַן צו באַהערשן (1382) דראָהיטשין מיט די אַרומיקע שטחים.

אין יאָר 1443 האָבן באַדייטנדיקע ליטווישע כוחות באַלאַגערט די שטאָט, וועלכע דער פֿירשט באָלעסלאַוו מאַזאָוויעצקי, נישט קענענדיק זי פֿאַרטיידיקן, האָט זי פֿאַרקויפֿט צוזאַמען מיטן אַרומיקן באָדן, דעם ליטווישן גרויספֿירשט קאַזשימיעזש. דער נייער הערשער האָט לויט אַ באַזונדערער פּריווילעגיע אין יאָר 1444, פֿאַרעכנט דראָהיטשין צו די 15 צאָל־שטעט פֿון ליטע, דערלויבט דאָרט אַ פֿרייען האַנדל און צוגעטיילט פֿאַרשידענע פֿרייהייטן. דערנאָך, אין יאָר 1498, באַשאַנקעןביידע זייטן שטאָט, פֿון ביידע זייטן טייך, מיטן מאַגדעבורגער רעכט, באַשטימט דאָרט יאַרמערק אד"גל. נאָך דער אוניע צווישן ליטע און קרוין־פּוילן, איז אין דראָהיטשין איינגעשטעלט געוואָרן אַ סטאַראָסטווע. דער ווילשטאַנד פֿון שטאָט האָט

געדויערט ביזן יאָר 1657, ווען די שוועדן האָבן צוזאַמען מיטן שעדמיאַגראַדער פּירשט ראַקאָטשי פאַרוואַנדלט דאָס אָרט מיטן שלאָס אין איין גרויסער חורבה.

די איצטיקע דראָהיטשין, אָנגערופן „רוסישע זייט", אויפן לינקן ברעג פון בוג, איז אַמאָל, זינט דער אַנטשטייונג, געווען אַ פּאַרשטאָט פונעם דראָהאָטשין לאַצקי, אויפן רעכטן ברעג פון דעם טייך. די שטאָט איז צונויפגעשטעלט פון דריי טיילן: די ערשטע, די רוסישע זייט, די גאָר עלטסטע; די צווייטע טייל, פון לאַנג, די פּאַרשטאָט בוזשיסק; די דריטע טייל, אַנטשטאַנען אין יאָר 1843, האָט געהייסן גורי (בערג). דאָס פונאַנדערטיילן די צוויי שטעט איז פאָרגעקומען נאָכן יאָר 1815. די טייל פון דער צאַרישער אימפּעריע, וואָס איז געווען די אייגנטלעכע שטאָט, איז שטענדיק פאַרבליבן מער פאַרמעגלעך און מער באַפעלקערט; בעת אין דעם טייל וואָס האָט געהערט צו קרוין־פּוילן, איז צוליב זיין געאָגראַפישער לאַגע — צווישן וואַסערן, גריבער און אָפּהאַנגען אויף דעם נידעריקן באָדן, זענען אָפט פאָרגעקומען פאַרפלייצונגען פון בוג און דערגאַנגען צו אַזאַ ירידה, אַז לויטן באַשלוס פון אַדמיניסטראַ־טיוון ראַט, איז די רוסישע דראָהיטשין באַשטימט געוואָרן פון 1טן יאַנואַר 1863 אַלס דאָרפישער ישוב. דער דאָזיקער טייל האָט אין יאָר 1861 געציילט בסך־הכל 315 נפשות, צווישן זיי; 182 קאַטאָליקן, 88 פּראַוואָסלאַוונע און 45 יידן. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט און מלאכה.

דראָהיטשין לאַצקי, די א. ג. אויסער עטאַט־שטאָט, אין ביעלסקער פּאָוויאַט, גראָדנער גובערניע, אויפן רעכטן, מאַלערישן ברעג פון בוג, ליגט אויפן באַזונדערן טראַקט פון ביעלסק (54 וויאָרסט), אַנטקעגן דעם פריער באַשריבענעם ישוב דראָהאָטשין, מיט וועלכן ער האָט ביזן יאָר 1813 געבילדעט איין גאַנצקייט און געהאַט אַ בשותפותדיקע געשיכטע. אַמאָל איז דאָס געווען די הויפּטשטאָט פון פּאָדלאַשער וואָיעוואָדסטווע, פאַרבונדן מיט טשעכאַנאָוויעץ און סעמיאַטיטש מיט זייטיקע וועגן. פון גראָדנע טיילט אָפּ דראָהיטשין אַ מרחק פון 168 וויאָרסט.

אין יאָר 1576 האָט דראָהיטשין לאַצקי געהאַט 327 הייזער, אין יאָר 1713—117, 1800 — 173 און 984 איינוווינער. איצט (געמיינט: 1880 בערך) ציילט די שטאָט 1402 איינוווינער: 682 מענער, 720 פרויען; 384 קאַטאָליקן, 498 יידן, 520 פּראַוואָסלאַוונע. די איינוווינער באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט און פישפאַנג. נישטאָ דאָ קיין שום פאַבריקן, אויסער אַ ווינטמיל. פאַראַן אַ 3־קלאַסיקע שול, אַ קאַטוילישער פּאַראַפיע־קלויסטער, צוויי צערקוועס, אַ פּראָם אויפן טייך בוג, 4 יערלעכע יאַרידן. דאָס פּאַראַפיע־קלויסטער א. נ. פון הייליקן דריילינג, איז אַ סברה אויפגשטעלט געוואָרן אין יאָר 1350.

לויט אַ פּריווילעגיע פון פּוילישן קיניג יאַן קאַזשימיעזש אין יאָר 1660, איז די דראָהיט־שינער פּראַבאָסטווע געשענקט געוואָרן די יעזואיטן, וועלכע האָבן דאָ אויפגעשטעלט אַ קאָלעגיום און העכערע שולן, וואָס זענען שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן דעם פּיאַרן־אָרדן. אין יאָר 1784 זענען די פּיאַרן־שולן באַזוכט געוואָרן פון 285 שילערס.

די שטאָטישע דראָהיטשינער סטאַראָסטווע איז, לויט אַ לוסטראַציע פון יאָר 1164, באַשטאַנען פון דער שטאָט דראָהיטשין און דערפער רעכאַווקע, טשאַרנע (גרעסערע און קלענערע), ווולקע, שטשאַווי און סטאַרטשעוויץ.

בלויז אין איין מקור געפינען מיר דראָהיטשין באַצייכנט אַלס שטעטעלע. דערביי ווערט אָנגעגעבן וועגן גאַנצע אוצרות אַרכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען און אַלטערטימלעכקייטן, וואָס זאָגן עדות אויף דער לאַנגער געשיכטע פון דעם ישוב:

דראָהיטשין, אַ שטעטעלע אין ביעלסקער פּאָוויאַט, גראָדנער גובערניע, גמינע נאַרויקי, 54 וויאָרסט פון ביעלסק, 2041 איינוווינער. מ'האָט דאָ געפונען אַ סך קעגנשטאַנדן פון שטיין, גלאָז, ליים, ביין, בראָנז און אייזן, ווי אויך עטלעכע טויזנט בלייענע פּלאָמבעס, אויף וועלכע

עס זענען געווען אָפּגעדרוקט פאַרשידענע צייכנס. די דאָזיקע אַלטערטימלעכקייטן האָט באַשריבן אַוועגאַריוס.

אין יאָר 1391 האָט דער פּוילישער קיניג וולאַדיסלאַוו געשאָנקען דעם מאַזאָווישער פירשט יאַן די ישובים: דראָהיטשין, מיעלניק, סוראזש און ביעלסק.

אין דעם בוך פון מ. גומאָווסקי „הערבן פון פּוילישע שטעט", דערשינען אין 1960 אין וואַרשע, ווערט דערציילט וועגן דראָהיטשין (ז' 163):

אַ שטאָט אויפן בוג, סעמיאַטיטשער פּאָוויאַט, ביאַליסטאָקער וואָיעוווּדסטווע, אַמאָליקע הויפּטשטאָט פון דער יאַדזשווינגן־טעריטאָריע, דערנאָך פון פּאָדלאַשע, באַקומען שטאָטישע רעכט אין יאָר 1498 און פון זעכצנטן יאָרהונדערט באַנוצט אַלס הערב — אַ קאָפּ פון אַ טור. פון אַכצנטן יאָרהונדערט — אַ גאַנצער טור, אָדער אַ זשובער. אינעם „הערלאַדישן אַלבום" האָט זיך געפונען אַ נייער פּראָיעקט פון אַ הערב: אַ שיפל און פיש. דער דאָזיקער סימבאָל האָט זיך אָבער ניט אָנגענומען.

אין „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני" נר. 112, וואַרשע 1870, ווערט דערציילט די געשיכטע פון דראָהיטשין:

די דאָזיקע שטאָט איז אַמאָל געווען די הויפּטשטאָט פון די יאַדזשווינגן, דערנאָך — די הויפּטשטאָט פון דער פּאָדלאַשער פּראָווינץ, בעת היינט איז עס אַ קליין שטעטל, ענלעך צו אַן אָפּגעקומענעם גביר, וועלכער האָט נאָר זכרונות פון פריער און רעשטלעך פון אַמאָליקער ווערטפולקייט.

פון דערווייטנס, באַזונדערס פון בוג, איז דראָהיטשין הערלעך. צופוסנס פליסט דער טייך און איבער אים ציען זיך שטאָטישע געביידעס, אַמאָל — שיינע, היינט — נעבעכדיקע הייזקעס, פון וועלכע עס טיילן זיך אויס פיר קלויסטערס און אַ געוועזענער שול־בנין. כמעט אין סאַמע מיטן לענג פון דער שטאָט, איז פאַראַן דער הויכער באַרג, וועלכער ווערט גערופן „שלאָסבאַרג" („גורא זאַמקאָוואַ"). מיט צייטן צוריק איז דאָרט געשטאַנען דער שלאָס פון די יאַדזשווינגן, וועלכער איז געווען פאַרבונדן, ווי עס לויטעט די לעגענדע, מיט אַן אונטערערדישן דורכגאַנג ביז מיעלניק, 5 וויאָרסט פון דראָהיטשין. היינט זענען אויף דעם באַרג נישט פאַראַן קיין שום אויסערלעכע סימנים פון אַ שלאָס. אַ סברה, אַז נאָך אין דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט איז געשטאַנען די פעסטונג, וועלכע איז צעשטערט געוואָרן דורך די שוועדן. אַן אַלטער איינוווינער פון דראָהיטשין האָט מיט יאָרן צוריק מיר דערציילט, אַז ער געדענקט נאָך די איבערבלייבעכצן פונעם שלאָס און דעם וועג וואָס האָט געפירט אַהין. די וואָס גראָבן היינט צופוסנס פון באַרג, געפונען דאָרט רעשטלעך געהילץ, שטיינער און צעבראָכענע ציגל. פון דער מזרח־זייט איז אין מיטן באַרג פאַראַן אַ קיילעכיקע עפענונג, דורך וועלכער מען קען אַריינגיין אין אַ נישע וואָס צעטיילט זיך אויף עטלעכע קאָרידאָרן. וואַרשיינלעך וועט דער דאָזיקער שלאָסבאַרג אויפהערן בקרוב עקזיסטירן, ווייל יעדעס יאָר שווענקט אים אונטער דער טייך.

וועגן דער שטאָט דערציילן לעגענדעס, אַז זי איז אַמאָל געווען באַפעלקערט און ברייט צעוואָרפן. אין צענטער פון שטאָט איז געשטאַנען די קאַפּליצע פון הייליקן יאַן, וואָס געפינט זיך היינט אַנדערטהאַלבן וויאָרסט הינטער דער שטאָט. אין ישוב גופא און אין זיין סביבה איז פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל קברים: אַלטע, נאָך פון די צייטן פון די יאַדזשווינגן; שפּעטערדיקע און פון אַ נייערע תקופה. פאַר מיינע צייטן זענען זיי נאָך געווען הויכע, היינט — זענען זיי קליין און איינגעפאַלן. פון די קברים איז צו דרינגען, אַז דראָהיטשין איז אַמאָל געווען אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט און אַדורכגעמאַכט גרויסע פּאָליטישע שטורעמס. איך האָב אויף קיין שום אָרט ניט אָנגעטראָפן אַזוי פיל קברים צוזאַמען, ווי אין דער געגנט פון דראָהיטשין.

וועז און פון וועמען די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן — ווייסט מען נישט. אייניקע שרייבן דאָס צו די יאַדזשווינגן, אַנדערע ווידער האַלטן, אַז דער גרינדער איז געווען דער קיעווער פירשט יאַראָסלאַוו דער ערשטער, ווייל אין צענטן יאָרהונדערט זענען די יאַדזשווינגן צעקלאַפּט געוואָרן דורך די רייסן. (מיטאַלטערלעכע באַצייכענונג פון די מזרחדיקע שטחים, באַוווינטע פון די סלאַווישע פעלקער. אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער האָבן פון רייסן זיך אויסגעבילדעט דריי פעלקער: רוסן, אוקראַינער, ווייסרוסן).

אין דער צווייטער העלפט פון צוועלפטן יאָרהונדערט איז דער נאָמען דראָהיטשין געווען גוט באַקאַנט. אין 1193 האָט דאָרט געהערשט אַ געוויסער פּאַדלאַשעק. דאָס איז אַוודאי געווען אַ זעלבשטענדיקער פירשט, הערשער פון די יאַדזשווינגן. די מלוכה איז צעשטערט געוואָרן אין קריג דורך קאַזשימיר דעם יושרדיקן. אין 13טן יאָרהונדערט האָט דראָהיטשין, מיט אַ טייל פון פּאַדלאַשע, געהערט צום מאַזאָווישער פירשט קאָנראַד, וועלכער האָט אין יאָר 1237 אַוועק געגעבן דעם דראָהיטשינער שלאָס די ריטער, אָדער די דאָבזשינער ברידער, מיטן באַדינג, אַז דאָס לאַנד און דעם שלאָס וועלן זיי באַשיצן פון אָנפאַלן. נאָך צוליב דער שוואַכער פאַרטיידיקונג, אָדער דעם גרויסן אָנגרייפנדיקן כוח, האָבן די מאָנגאָלן דעראָבערט דעם שלאָס, חרוב געמאַכט דאָס דערבייאיקע לאַנד און דאָרט איבערגעלאָזט בלויז חורבות.

נאָכן יאָר 1569, האָט דראָהיטשין אויפגעהערט זיין אַ גרענעץ־שטאָט און צוליב דעם האָט זייער געליטן דער האַנדל. די סטאַראָסטעס און וויטן האָבן מיט אומטאָלעראַנץ זיך באַצויגן צו די אויסלענדישע אינדוסטריעלער, צוליב דעם האָבן אַ סך פון זיי פאַרלאָזט די שטאָט. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז אומגעקומען בעת דער מגיפה אין דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט און דערפאַר זענען אין דראָהיטשין געווען אַ סך ליידיקע הייזער.

דעם 27טן מאַי 1805 איז דראָהיטשין כמעט אין גאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן. דאָס פייער האָט פאַרלענדט, אויסער אַ סך בנינים, 175 וווין־הייזער, דעם באַזיליאַנער קלויסטער, דאָס ראָטהויז, עטלעכע קרעטשמעס און אַ גרויסע צאָל געשעפטן מיט סחורות.

פאַר די פּרייסישע צייטן איז דראָהיטשין געווען אַ פּאָוויאַט־שטאָט — ביזן יאָר 1840. נאָך דעם ווי דער יעזואיטישער אָרדן איז אויפגעלייזט געוואָרן, האָבן די יעזואיטן־שולן איבערגענומען די פּיאַרן. איצט זענען די שולן איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער פּאָוויאַט־שטאָט ביעלסק. אין דעם בנין פון דער אַמאָליקער יעזואיטן־שול געפינט זיך אַ קליינע פאָלקס־שול. דער פראַנטשישקאַנער קלויסטער איז אין צושטאַנד פון פונאַנדערפאַלן זיך און דער מאָנאַסטיר איז איבערגעאַרבעט געוואָרן אויף קאַשאַרן.

פון די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון אַמאָליקן דראָהיטשין איז אָנצונעמען, אַז דאָס איז אַמאָל געווען אַ באַלעבטע און רייכע שטאָט, אַוודאי נישט קלענער פון דעם איצטיקן לובלין.

עטלעכע וויאָרסט הינטער דער שטאָט, שטעלט מיט זיך פאָר דראָהיטשין אַ שיין בילד צוליב די פאַרבליבענע קלויסטער־טורעמס און עס דוכט זיך אויס, אַז דאָס איז גאָר אַ גרויסע שטאָט. פאָרט מען אָבער אַריין אויפן מאַרק־פּלאַץ, שאַפט זיך גלייך אַ פריקרער איינדרוק, ווייל דאָס אויג דערזעט בלויז נעבעכדיקע הייזקעס, רעשטלעך פון ברוקירטע גאַסן און קלייטלעך מיט אַ ביסל סחורה. מן־הסתמא וועלן בקרוב זיך איינוואַלגערן די אַלטע קלויסטערס און מאָנאַסטירס — און דראָהיטשין, אַמאָל אַ הויפּטשטאָט, וועט פאַרבלייבן אַן אָרעם דערפל.

מיט 3 יאָר שפּעטער, אין 1873, באַשרייבט דער פריער דערמאָנטער „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני" (נומ' 270, ז' 110) די געשיכטע פון דראָהיטשין, נאָר פון אַ גאָר אַנדערן אַספּעקט — די אָפטע אַגרעסיעס און אָקופּאַציעס מצד די יאַדזשווינגן, ליטווינער, שוועדן,

דייטשן, עסטרייכער. פֿאַראַן אויך אין דער באַשרייבונג גאָר נייע מאָמענטן און פֿאַקטן פֿון דער אַזוי רייכער און שטורמישער היסטאָריע.

...אין אַ לגמרי נישט רייצנדיקער געגנט, צווישן אַ פֿלאַכלאַנד ענלעך צו די אין מאַזאָווישע און פּאָדלאַשע, אויף בײדע זייטן פֿון טייך בוג, עקזיסטירן צוויי דראָהיטשינס, וועלכע האָבן אַמאָל געבילדעט איין גאַנצקייט. דער טייל אויפֿן רעכטן ברעג, וואָס געהערט איצט צו דער גראָדנער גובערניע, ביעלסקער פּאָוויאַט, הייסט דראָהיטשין לאַצקי, בעת דער צווייטער טייל, אויפֿן לינקן ברעג, געהערט צו קרוין־פּוילן הייסט דראָהיטשין רוסקי, וואָס האָט פֿון אַן אַמאָליק נעבעכדיק שטעטל, זיך דערקייקלט צו אַ דאָרפֿישן ישוב.

פּאַרציייטישע כראָניק־שרייבער באַהאַנדלען ברייט די געשעענישן וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט. לויט אַרטיקע לעגענדעס, באַשטעטיקטע פֿונעם היסטאָריקער דלוגאָש, איז אין 15טן יאָרהונדערט דראָהיטשין געווען די הויפּטשטאָט פֿון דעם פֿולשטענדיק פֿאַרלוירן גע־גאַנגענעם פֿאָלק יאַדזשווינגען, וואָס בנוגע זייער אָפּשטאַם און געשיכטע זענען פֿאַראַן מיינונג־פֿאַרשידנהייטן צווישן די געלערנטע און פֿאָרשערס. אָבער באַגלויבטע דאָקומענטן און מקורות באַווייזן, אַז זינט איר אַנטשטייאונג, איז דראָהיטשין תמיד געווען אַ רייסישע שטאָט. און קיינמאָל נישט באַלאַנגט צו די יאַדזשווינגען. דאָס פֿאַרמינערט אָבער נישט די היסטאָרישע חשיבות פֿון דער שטאָט, ווייל די קאַמפֿן איינצוצוימען די גרויזאַמע און שעדלעכע איבערפֿאַלן פֿון די יאַדזשווינגען, האָבן צומערשט געפֿירט די רוסישע פֿירשטן אין משך פֿון יאָרהונדערטער, נאָר ערשט די פּאָליאַקן און ליטווינער האָבן זיי באַזיגט און די איבערגעבליבענע האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. דראָהיטשין, אין 12טן יאָרהונדערט, אַ גרויסע שטאָט מיט אַ פֿעסטונג האָט שוין געהערט צו די מאַזאָווישער פֿירשטן, פֿון וועלכע קאָנראַד דער ערשטער האָט אין יאָר 1200, ביז 1237, געשאָנקען דעם דאָבזשינער ריטער־אָרדן די פֿעסטונג מיט אַ סך באָדן צווישן בוג און נור, כדי מאַזאָווישע באַשיצן פֿון די יאַדזשווינגישע איבערפֿאַלן.

אין יאָר 1225 האָבן די קרייצצוגלער אַרויסגעשטויסן די דאָבזשינער. אין יאָר 1240, ביז 1246, האָבן די טאָטערן פֿאַרניכטעט און פֿאַרברענט די שטאָט. אויסנוצנדיק די אַלגעמיינע מפּלה, האָט דער ליטווישער פֿירשט מענדאָג פֿאַרנומען די שטאָט, זי אויפֿגעבויט — און דראָהיטשין האָט אָנגעהויבן איבערגיין פֿון האַנט צו האַנט: פֿון ליטע צו רייסן און צוריק. אַרום דער שטאָט האָבן זיך געפֿירט פֿאַרביסענע קאַמפֿן און דאָ זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן היסטאָרישע נצחונות. אַזוי האָט וואַסילקאָ, דער וולאָדזשימירער פֿירשט, צו וועמען דראָהיט־שין האָט דעמאָלט באַלאַנגט, פֿולשטענדיק צעקלאַפּט די יאַדזשווינגען ביי די טויערן פֿון שטאָט, אַ סך פֿון זיי דערהרגעט. בלויז עלטסטע פֿון זייערע שבטים אויף וועלכע די יאַדזשווינגען האָבן זיך געטיילט, זענען אומגעקומען פֿעריציק.

פֿון דער שטאָט האָט אין יאָר 1251 זיך אָוועק געלאָזט מיט זיין אַרמיי צו קעמפֿן מיט די יאַדזשווינגען דער באַרימטער אין דער געשיכטע האַלישער פֿירשט דאַניעל. נאָכן זיג, האָט ער דעם זעלבן יאָר זיך געזאַלבט אין דראָהיטשין אַלס קיניג פֿון רייסן. דערנאָך איז די שטאָט איבערגעגאַנגען צו די ליטווישע און רייסישע מאָנאַרכן. ערשט אין די יאָרן 1315—1339, האָט דער ליטווישער גרויספֿירשט געדימין ענדגילטיק איינגעגלידערט דראָ־היטשין צו ליטע. אין יאָר 1357 איז די שטאָט איבערגעגעבן געוואָרן אין אַרענדע צו קעיסטוטן, דערנאָך וויטאָלדן און אין יאָר 1387, אויפֿן סמך פֿון ירושה־רעכט, זיך אומגע־קערט צו די מאַזאָווישער פֿירשטן. איינער פֿון זיי, באָלעסלאַוו, ניט קענענדיק זיך קיין עצה געבן מיט די כסדר אָנגרייפֿנדיקע ליטווינער, האָט אין יאָר 1443 פֿאַרקויפֿט די שטאָט דעם ליטווישן גרויספֿירשט קאַזשימיעזש. דער נייער הערשער האָט לויט אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע פֿון יאָר 1444 פֿאַרעכנט דראָהיטשין צו די ליטווישע צאָל־שטעט, דערלויבט

אַ פֿרייען האַנדל און צוגעטיילט אַנדערע פּריווילעגיעס. זיין נאָכפֿאָלגער, דער גרויספֿירשט אַלעקסאַנדער, האָט אין יאָר 1498 באַשאַנקען ביידע טיילן שטאָט פֿון ביידע זייטן בוג מיט דייטשן (מאַגדעבורגער) רעכט, באַשטימט יאַרמערק אד״גל.

אין יאָר 1520 איז דראָהיטשין געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון פּאָדלאַשער וואָיעוואָדסטווע, ווו עס זענען פֿאָרגעקומען די סיימיקס און אָפטע צוזאַמענפֿאָרן פֿון ריטערלעכן שטאַנד. אין יענער תקופה זענען דאָרט אַנטשטאַנען רייכע סוחרים־גילדעס, האַנטווערקער־צעכן און עס האָט געבליט דער האַנדל מיט תבואה און וואַקס.

דער סוף פֿון דעם אויפֿבלי דאַטירט זיך פֿונעם פּאָדלאַשער סיימיק, פֿאָרגעקומען אין יאָר 1569, ווען דראָהיטשין איז איינגעשלאָסן געוואָרן צו פּוילן. מ׳האָט דאָרט איינגעשטעלט די סטאַראָסטווע, וואָס האָט גורם געווען צו דער ירידה פֿון דער שטאָט, הגם איר פֿאַרהעלט־נישמעסיקער ווילזיין האָט זיך נאָך געצויגן ביזן יאָר 1657, ווען די שוועדן האָבן דראָהיטשין באַרויבט און חרוב געמאַכט און דאָס איבעריקע האָבן די קאָזאַקן פֿאַרברענט אין יאָר 1660.

אין יאָר 1702, ווען די שטאָט האָט אָנגעהויבן זיך צוריק שטעלן אויף די פֿיס, זענען די שוועדן צום צווייטן מאָל אָנגעפֿאַלן. אין די יאָרן 1711—1712 האָט אַן עפּידעמיע דערפֿירט די אַמאָל גרויסע שטאָט צו אַן אָרעמען ישוב, וועלכער האָט אין יאָר 1717 געציילט בסך־הכל 117 נעבעכדיקע הייזקעס אויף דער לאַצקער זייט און 90 — אויף דער רוסישער זייט.

אין יאָר 1794 פֿאַלט דראָהיטשין אַריין אין פּרייסישע הענט (דער לאַצקער טייל) און צו די עסטרייכער (רוסישע זייט). די לאַצקער זייט האָט פֿון יאָר 1807 געהערט צו רוסלאַנד בעת די רוסישע זייט איז געבליבן אין ווארשעווער פֿירשטנטום און אין יאָר 1808 באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָוויאַט־שטאָט פֿון גראָדנער גובערניע, צו וועלכער זי האָט געהערט ביזן יאָר 1842 אַלס עטאַט־שטאָט.

היינט (סוף פֿאַריקן יאָרהונדערט) ציילט דראָהיטשין 900 איינוווינער און שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ רייכע פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט געלאָזן נאָך זיך שפּורן אויף פֿאַרשידענע ערטער. וועגן די קאַמפֿן און שלאַכטן זאָגן עדות פֿיל צעוואָרפֿענע קברים און קורהאַנעס, וועלכע זענען ביז איצט נאָך ניט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן דורך געלערנטע פֿון וועלכע תקופות זיי שטאַמען. איבערן סאַמע טייך בוג זעט מען אַ געגנוג הויכן באַרג, באַקאַנט אַלס שלאָס־באַרג. (אַ לעגענדע זאָגט, אַז דאָ איז געשטאַנען דער שלאָס פֿון דער קיניגין באָנע).

נישט ווייט פֿון באַרג שטייט די געביידע פֿון דער פּאָוויאַט־שול, וועלכע איז כמעט פֿאַרייניקט מיט דער געביידע פֿונעם געוועזענעם יעזואיטישן מאָנאַסטיר. איבער זיי טיילט זיך אויס אַ קלויסטער, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין אַרכיטעקטור. די דאָזיקע בנינים און די שול פֿון דער זייט פֿון בוג, זענען אַרומגענומען מיט אַ גאָרטן און מויער. דאָס אַלץ דערמאָנט בלויז די שיינע פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דראָהיטשין לאַצקי, בעת וועגן צווייטן טייל, אויף דער לינקער זייט בוג, איז בכלל נישטאָ וואָס צו ריידן.

אין אָרגעלבראַנדס אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, דערשינען אין ווארשע אין יאָר 1861 (זיבעטער באַנד), געפֿינען מיר ווידער געגנוג אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פֿון דראָהיטשינס רייכער און שטורמישער געשיכטע. עס ווערט דאָרט דערציילט אַז דראָהיטשין איז אַ רעגי־רונגס־שטאָט אין לובלינער גובערניע, שעדלעצער פּאָוויאַט, אויפֿן טייך בוג. דאָס אַנטשטיין פֿון אוראַלטן שטעטל, וואָס איז אַמאָל געווען די הויפּטשטאָט פֿון די יאַדזשווינגען — גרייכט אין די ווייטע יאָרהונדערטער.

מיר ווייסן זיכער, אַז דאָס שטעטל האָט אין צוועלפֿטן יאָרהונדערט געהערט צו די מאַזאָווישער פֿירשטן. קאָנראַד דער ערשטער האָט אין יאָר 1237, ווען אַ טייל פֿון די דאָבזשינער קלויסטער־ברידער האָבן זיך געווערט קעגן דער פֿאַרייניקונג מיט די קרייץ־

טרעגער, אַוועק געגעבן זיי דעם אָרטיקן שלאָס, צוזאַמען מיט באַדייטנדיקע ערד־שטחים צווישן בוג און נור, אַזש ביז די גרענעצן פון רייסן, אַרויפלייגנדיק אויף זיי די פליכט צו פאַרטיידיקן מאַזאָווער פון פיינדלעכע איבערפאַלן.

ווייטער איז דער גורל פון דעם אָרדן אומבאַקאַנט בנוגע אַנדערע געשעענישן, און במילא פאַרשוויגענע פון היסטאָריקער פון יאָר 1240, ווען די טאַטערן האָבן חרוב געמאַכט דראָהיטשין מיט דער גאַנצער סביבה.

אויסנוצנדיק דאָס אַלגעמיינע אומגליק, האָט דער ליטווישער פירשט מענדאָג פאַרכאַפּט די שטאָט, זי צוריק אויפגעבויט און פון דעמאָלט אָן האָט זי געהערט צו ליטע. די מחלוקתן צווישן די ליטווישע פירשטן האָבן געגעבן דעם מאַזאָוויעצקער פירשט יאַן די מעגלעכקייט (אין יאָר 1382) צו באַהערשטן דראָהיטשין צוזאַמען מיט דער שכנותדיקער ערד.

אין יאָר 1443 זענען די ליטווינער צוגעקומען צו דער שטאָט מיט באַדייטנדיקע כוחות. דער פירשט באָלעסלאַוו מאַזאָוויעצקי, וועלכער האָט געהיט די שטאָט, אָבער ניט געקענט זי פאַרטיידיקן, האָט פאַרקויפט דראָהיטשין צו קאַזשימיעזשן, דעם ליטווישן גרויס־פירשט, צוזאַמען מיט דער גאַנצער ערד.

נאָכן איינשטעלן די פויליש־ליטווישע אוניע, איז אין דראָהיטשין באַשטימט געוואָרן אַ סטאַראָסטווע, וועלכע איז אַ לאַנגע צייט געווען אין באַזיץ פון די רייכע און באַקאַנטע משפחה קישקע. דער ווילשטאַנד פון דער שטאָט האָט געדויערט ביזן יאָר 1657, ווען די שוועדן, בראש מיטן שעדמיאַגראָדער פירשט ראַקאָטשי, האָבן פאַרוואַנדלט די שטאָט מיטן שלאָס אין אַ באַרג חורבות און אַש. פון דעמאָלט אָן, זענען ביידע זייטן שטאָט מער נישט אויפגעשטאַנען פונעם חורבן.

די היינטיקע דראָהיטשין, וועלכע רופט זיך די רוסישע זייט, אויפן לינקן ברעג בוג און געהערט צום פוילישן מלכות, איז אַ מאָל געווען, אין אָנהייב פון איר אַנטשטיין, אַ פאָרשטאָט פון לאַנצקער דראָהיטשין, אויפן רעכטן ברעג טייך. די שטאָט באַשטייט פון דריי באַזונדערע טיילן.

דאָס צעטיילן ביידע שטעט איז פאָרגעקומען ערשט אין יאָר 1815. די טייל פון דער רוסישער אימפעריע, די אייגנטלעכע שטאָט, איז שטענדיק פאַרבליבן פאַרמעגלעכער און מער באַפעלקערט. דאַקעגן די וועלכע געהערט צו פוילן, איז צוליב דעם יאָר־יערלעכן אויסגיסן פון בוג — דערגאַנגען צו אַ מוראדיקער ירידה, אַז די רעגירונג האָט אַרויס־געגעבן אַ פאַראָרדענונג פונעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט, לויט וועלכן די שטאָט דראָהיטשין, וואָס האָט זיך גערופן די רוסישע זייט, זאָל פון ערשטן יאַנואַר 1863 פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דאָרפישן ישוב.

די דאָזיקע טייל באַזיצט איצט אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון 315 נפשות. פון דעם קאַטאָליקן — 182 ; פּראַוואָסלאַוונע — 88 ; יידן — 54 וועלכע לעבן פון ערד־אַרבעט און פרימיטיווער האַנטווערקעריי. פאַראַן דאָרט אַ געמויערטע פּראַוואָסלאַוונע צערקווע און 34 הילצערנע הייזער. דראָהיטשין לאַנצקי ציילט איצט 1401 איינוווינער, געהאַט אַ מאָל אַ יעזואיטישן קאָלעגיום, אין וועמענס רחבותדיקע בנינים זענען אין יאָר 1774 געעפנט געוואָרן שולן, וועלכע עקזיסטירן ביז איצט. עס באַשיינען נאָך די לאַנצקער זייט דער פראַנטשישקאַנער קלויסטער און מאָנאַסטיר, דער בענעדיקטינער קלויסטער און 3 פּראַ־וואָסלאַוונע צערקוועס

אין יאָר 1938, ווען דראָהיטשין איז „אַלט געוואָרן” 900 יאָר, האָט די אָרטיקע מלוכהשע גימנאַזיע א. נ. פון י. י. קראַשעווסקי אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע „מאָנאָגראַפיע פון דער שטאָט דראָהיטשין אויפן בוג, אין היסטאָרישן בליק”, א. נ. „די הויפטשטאָט פון די יאַט־שוויעזשן”. דער מחבר פון דער מאָנאָגראַפיע, פעליקס זיגמונט ווערעמיעי, האָט אויף 148

זייטלעך געגעבן אַ ברייטן היסטאָרישן איבערבליק פון זיין היימשטאָט, נאָר בלויז אויף געציילטע ערטער ווערט דערמאָנט וועגן ייִדישן אַנטייל אין אויפבוי פון דראָהיטשין. דעם א. ג. ייִדישן מאָמענט אין דער געשיכטע פון שטעטל, וועלן מיר שפּעטער באַהאַנדלען. איצט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בלויז אויף יענע טיילן פון ספר, וועלכע זענען ניִשט דערמאָנט געוואָרן אין די ביז איצטיקע מקורות וואָס זאָגט עדות, אַז די היסטאָרישע ליטעראַטור וועגן דער שטאָט איז באמת אַ רייכע און אַלזייטיקע. הגם — נאָך נישט אין גאַנצן אַן אויסגע־פאָרשטע און אַבסאָלוט זיכערע.

אַזוי צ. ב. שרייבט פּ. ז. ווערעמיעי וועגן די יאַטשוויעזשן:

„פאַראַן אין אונדזער געשיכטע איין לעגענדע, ניט קיין געפאָרשטע, ניט לגמרי אַ באַהאַנדלטע — די לעגענדע פון יאַטשוויעזש. פאַרבליבן אַ גרויסע לעגענדע און אַ קורצע היסטאָריע פון אַ פאָלק וואָס דער גורל האָט אויף אַ אומגערעכטן אופן אים אַריינגעוואָרפן אינעם סלאַווישן, פויליש־רוסישן געווימל; אַ פאָלק וואָס איז געזעסן אין זיין נעסט, פאַר־טיידיקנדיק זיך האַרטנעקיק און קעמפעריש קעגן אומקום — ביז די לעצטע כוחות. וואָס זענען דאָס פאַראַ מענטשן, לגמרי פרעמדע די סלאַוון, ווייניק קרוביש די פּרוסן, נישט קיין סך — די ליטווינער? פון וואַנען זענען זיי געקומען, צוליב וואָס און ווען זענען זיי ניט געוואָרן? פאַרשידנאַרטיק טענהן די היסטאָריקער. אונדזער נאַרושעוויטש זאָגט, אַז די געוועזענע יאַדזשווינגן זענען אָפּשטאַמיקע פון די סאַרמאַטן, גערופן אין משך פון דורות יאַזיגן. אַנדערע האַלטן זיי אַלס אָפּשטאַמיקע פון די צימבערן. ווען העראָדאָט האָט נאָך געלעבט, זענען זיי וואַרשיינלעך געזעסן נאָכן דניעפּער, אויף מאָסקווער ערד, לעבנדיק צווישן אַנדערע פעלקער. דער גריכישער געאָגראַף סטראַבאָן באַשטימט די יאַדזשווינגן אַן אָרט הינטער די טיראַגעטן און אין זיין צייט האָבן זיי אַ סברה, זיך אַ רוק געגעבן אויף וואָלאָשטשיזנע, אויפן שוואַרצן ים. מיט הונדערט יאָר שפּעטער, ווי מיר געפינען ביי פּליניושן, זענען די יאַדזשווינגן אַריבער אַזש צום טייך טיבוסקוס אין אונגאַרן. זיי זענען קיינמאָל ניט געזעסן אויף איין אָרט, שטענדיק האָט זיי עפּעס אַ פּאַטום געיאָגט פון איין לאַנד אין צווייטן... דערפאַר האָט זיי פּטאָלאָמעוש באַצייכנט אין צווייטן יאָרהונדערט אַלס מעטענאַסטן, וואָס מיינט אויף גריכיש וואַנדערער.

ווען די הונען זענען אין פערטן יאָרהונדערט באַפאַלן אייראָפּע, דערגרייכנדיק קיין אונגאַרן, האָבן די יאַדזשווינגן איבערגעלאָזט זייערע ישובים אויף דער טשיסע און דונאַי, אַריבערגעטראָטן די קאַרפּאַטן־בערג און צום פאַרענדיקן דעם לאַנגן מאַרש, זיך באַזעצט אויף פּאָדלאַשער ערד.

עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז צווישן די פּאָליאַקן, רוסן, ליטווינער און צווישן די יאַדזשווינגן, איז נישט געווען קיין שום קרובהשאַפט פון בלוט, שפּראַך און מינהגים. אויף פּאָדלאַשע האָט דאָס וואַנדער־פאָלק זיך איינגעאָרדנדט אויף אַ רעכטן אמת. ווילדע און דרייסטע, האָבן די אומדערמידלעכע יאַדזשווינגן באַוויזן ווער זיי זענען. געוועל־טיקט איבער זיי האָבן אומאָפּהענגיקע הערשער, וועלכע זענען קיינעמען ניט אונטערגעליגן און קיינעמען נישט געפאָלגט.

באָלעסלאַוו כראָברי האָט אין צענטן יאָרהונדערט צעקלאַפּט די פּרייסן און צוזאַמען מיט זיי די יאַדזשווינגן, וועלכע זענען פוילן דערגאַנגען די יאָרן. דעמאָלט איז אַ טייל פון זייער מדינה, יאַטשוויעזש, אין דער געגנט פון שפּעטערדיקן ביעלסק, איינגעשלאָסן געוואָרן צו מאַזאָווש. דערנאָך האָבן די יאַדזשווינגן געליטן מפּלות פון נאָוואָגראָדער פירשט יאַראָסלאַוו.

דראָהיטשין, אַלס הויפּטשטאָט פון דעם שבט, איז געווען דער צענטראַלער פּונקט פאַר כסדרדיקע איבערפאַלן אויף יאַטשוויעזש, וועלכע איז געגומען געוואָרן אין צווי פייערן, פון מערב און מזרח. דאָ זענען פאָרגעקומען די סאַמע בלוטיקע שלאַכטן, דאָ האָט מען

געברענגט צו קבורה די אומגעקומענע הערשער, דאָ איז געווען די איבערפאַל־באַזע און פאַרטיידיקונג־פעסטונג ווען דער שונא האָט זיך אַריינגעריסן, אַטאַקירט מיט געווער אין האַנט. ניט קיין ווּנדער, אַז דראָהיטשין איז אויף אַ באַזונדערן אופן פאַרבינדן מיט דער לעגענדע פון דעם פאָלק און די געשיכטע פון דער שטאָט פליסט אַ לאַנגע צייט אין דער זעלבער קאַריטע, ווי די געשיכטע פון דעם שבט.

מיעכאָוויטאַ, דער היסטאָריקער און קיניגלעכער דאָקטער פון זיגמונט סטאַרי שרייבט, אַז פאַר זיינע צייטן האָט מען אויף פּאָדלאַשע נאָך גערעדט מיט דער שפּראַך פון די יאַדזשווינגן, אין דער געגנט פון דראָהיטשין. די דאָזיקע שפּראַך האָבן ניט פאַרשטאַנען די ליטווינער, ווי אויך די זשמודזשינער. אַ יאַדזשווינגער האָט מען בדרך כלל גערופן יאַטשוויעזש.

היינט איז נאָך די יאַדזשווינגן געבליבן עטלעכע אָנדענקס. דאָס זענען אָנשיטן הינטער שטעט, וועלכע מען טרעפט אָפט אויף פּאָדלאַשע. צעשפּרייט צווישן די ליטווינער און ווייסרוסן, האָבן די רעשטלעך יאַטשוויעזשן זיך דערהאַלטן מיט באַזונדערע מינהגים און אויסשפּראַך, אַזש ביזן אַכצנטן יאָרהונדערט.

פאַרבליבן איין גרויסער אָנדענק נאָך די יאַדזשווינגן — דאָס איז דראָהיטשין. מען קען זיך ניט האַלטן ביי דער היפּאָטעזע, אַז דאָס האָבן די יאַדזשווינגן אויפגעשטעלט די שטאָט אויפן בוג. די בכורה וואָלט מען געמעגט געבן יאַראָסלאַוון פון נאָוואָגרוד, וואָס וואָלט אַדוואַי געווען ריכטיקער. נאָר אין דער אונטערשטער שורה, איז ניט וויכטיק ווער עס האָט געגרינדעט די שטאָט; צי אַ רוסישער פירשט, צי די קעמפערישע יאַטשוויעזשן. עס בלייבט אַ פאַקט, אַז אין משך פון אַ סך יאָרן, האָבן די יאַדזשווינגן באַטראַכט דראָהיטשין אַלס זייער הויפּטשטאָט, געשלאָגן זיך פאַר איר ווי פאַר אַן אייגענער, דורות־לאַנגער שטאָט און אַלע אַנטשיידנדיקע געשעענישן בנוגע דעם שבט, האָבן געהאַט אַן אָרט ביי די טויערן פון דראָהיטשין, און נאָענט פון איר האָט דאָס טרייע פאָלק קובר געווען זייער לעצטן הערשער קומאַט, וועלכער איז געפאַלן אין שלאַכט מיט די פּיאַסטן.

ריידנדיק דעריבער וועגן יאַטשוויעזש, איז אוממעגלעך צו פאַרשווייגן דראָהיטשין, און ריידנדיק וועגן דראָהיטשין — ניט דערמאָנען די יאַטשוויעזש־לעגענדע.

יאַטשוויעזש איז אומגעקומען — נאָר זייער הויפּטשטאָט איז פאַרבליבן.

פון דער גרויסער צאָל שטעט אויף פּאָדלאַשער ערד, האָט דראָהיטשין, אויפן רעכטן ברעג פון טייך בוג, די רייכסטע געשיכטע. די דאָזיקע שטאָט, היינט איינע פון די קלענסטע אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוודסטווע, איז אַמאָל געלעגן אויף אַן אַלטן, וויכטיקן האַנדלס־שליאַך און געווען אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט. די שטאָט האָט דערפון אַ סך גענאָסן, נאָר אויך פיל — געליטן. דער באָדן פון שטאָט און איר אומגעגנט זענען מיט הונדערטער יאָרן צוריק געווען אַ ניט־דורכדרינגלעכע וויסטעניש און די נאָענטקייט פון טייך האָט געצויגן צו זיך אַ מענטשלעך לעבן, וואָס האָט זיך רייך אַנטוויקלט. אַ ריי אויסגראָבונגען און אַרכעאָ־לאָגישע אַנטדעקונגען באַווייזן, אַז נאָך אין דער פרע־היסטאָרישער תקופה, איז דאָס געווען אַ באַפעלקערט אָרט. נאָר פון די אוראַלטע איינוווינער איז ניט געבליבן כמעט קיין שום סימן. שפּעטער איז דראָהיטשין, ווי גאַנץ פּאָדלאַשע, באַזעצט געוואָרן פון יאַדזשווינגן.

בנוגע דעם נאָמען דראָהיטשין איז פאַראַן אַזאַ סברה:

אונטערן דרוק פון די רוסישע פירשטן, האָבן די יאַדזשווינגן ניט געקענט מער פאַרבלייבן אין זייער הויפּטשטאָט — דראָהיטשין. זיי האָבן איבערגעלאָזט דאָס אָרט און אַוועק אויף מערב, האַלטנדיק זיך ביים ברעג פון בוג. ביז זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ שטיל אָרט, וואָס די נאַטור האָט עס אויסגעשטאַט אין פאַרטיידיקונגס־מיטלען, ווי זומפּן און וואַלד־געדיכטענישן. פילנדיק זיך דאָ זיכער האָבן זיי געשאַפן זייער אויסגאַנג־באַזע און אויפגעשטעלט אַ שוץ־פעסטונג. לזכר דער פאַרלוירענער הויפּטשטאָט, האָבן זיי דעם ישוב אָנגערופן דראָהיטשין, וועלכער

פאַרמאָגט אין זיך רוסישע שפּראַך־עלעמענטן, וואָס מיינט אָבער ניט, אַז די רוסן זענען געווען אירע גרינדער. מעגלעך, אַז אין דער שפּראַך פון די יאַדזשווינגן, האָט דראָהיטשין געקלונגען אַ ביסל אַנדערש, נאָר טראַנסקריפּירט אויף רוסיש, איז עס שוין פאַרבליבן ביי דעם נאָמען דראָהיטשין און אַלס אַזעלכער ווערט ער דערמאָנט אין די רוסישע כראָניקס פון יאָר 1061.

די שפּעטערדיקע דראָהיטשין האָט זיך אויסגעשפּרייט אויפן צווייטן ברעג פון בוג, בילדנדיק איין גאַנצקייט מיט דעם היינט ניט עקזיסטירנדיקן ישוב דראָהיטשין, אויפן לינקן ברעג, אויפן אָרט פון די היינטיקע דערפער בוזשיסק, גורי און רוסישע זייט, וועלכע געהערן טעריטאָריאַל צו דער גמינע קירטשעוו, סאָקאָלאָווער פּאָוויאַט. אַ לאַנגע צייט, איז דער צווייטער טייל דראָהיטשין (לשם אונטערשיידונג גערופן רוסישער), געווען אַ פאָרשטאָט פון אייגנטלעכן דראָהיטשין (לאַצקי) און ביידע האָבן געבילדערט איין אָרגאַנישע גאַנצקייט. נאָר אין יאָר 1863, דעגראַדירט צו דעם מעמד פון אַ דאָרף — ווערט ער אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. בעת דער רייסישער עקספּאַנסיע אויף מערב, נאָכן צעקלאַפּן די יאַטשוויעזשן, גייט דראָהיטשין איבער אין רוסישע הענט. אין צוועלפטן יאָרהונדערט קוואַליפיצירט זיך דראָהיטשין צו די גרעסטע שטעט און אין יאָר 1132 איז זי דאָס אייגנטום פון זדזשיסלאַוו משטשיסלאַוואָוויטש. מיט 10 יאָר שפּעטער (1142), הערשט איבער דער שטאָט דער רוסישער פירשט וסיעוואָלאָד אָלגאָ־וויטש, וועלכער לעבט בשלום מיט די פּיאַסטן (ער איז געווען דער שוואָגער פון וולאַדיסלאַוו דעם צווייטן, קזשיוואָוסטיס זון). בערך אין יאָר 1143 צעטיילט וסיעוואָלאָד זיינע גיטער צווישן די קרובים. דראָהיטשין שענקט ער אַוועק זיין יינגערן ברודער איגאָר. שפּעטער, צוליב משפּחות־אינטריגעס אַוודאי, נעמט ער עס אַוועק ביי איגאָרן און גיט די שטאָט איבער אָרמיכן.

באַלד דערנאָך איז דראָהיטשין אַריבער צו די פּיאַסטן. די כסדרדיקע מיספאַרשטענדענישן און שנאה צווישן די רוסישע פירשטן, האָבן גורם געווען דערצו, אַז וולאָדזשימיעזש, וואָלאָדאַרעקס זון, האָט אין ערשטן פערטל פון צוועלפטן יאָרהונדערט זיך צעקריגט מיט וואַסילקאָ יאַראָפּאַלקאָוויטש און צוליב דער לאַנגדויערנדיקער מחלוקת האָט וואַסילקאָ אַלץ געטאָן, כדי דערפירן צו הכנעה דעם שטאַרקן קעגנער, וועלכער איז געזעסן אין דראָהיטשין. ער שליסט אַ בונד מיט לעשעקן, זון פון באָלעסלאַוו קעדנדזשעזשאַווי, כדי אויפצווינגען אַ מלחמה וולאָדזשימיעזשן. לעשעק איז גרייט צו געבן זיין מיליטערישע הילף בתנאי, אַז נאָכן דעראָבערן דראָהיטשין, זאָל ער באַקומען דעם שלאָס און די אַרומיקע געגנט. בערך אין יאָר 1880 קומט פאָר די שלאַכט און לעשעק באַקומט די שטאָט, וועלכע ווערט ווידער נאָך זיין טויט איבער־געגעבן צו קאַזשימיעזש ספּראַוויעדליווי. דערנאָך — צו זיין זון קאָנראַד מאַזאָוויעצקי, וועלכער איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון פּוילן אַלס דער, וועלכער האָט אַהין געבראַכט די קרייץ־צוגלער.

דעם 18טן מערץ 1237, האָט קאָנראַד אַוועק געשאָנקען דעם דראָהיטשינער שלאָס מיט באַדייטנדיקע גיטער צווישן בוג און נאַרעוו, דעם קריסטלעכן ריטער־אָרדן, באַקאַנט אונטערן נאָמען דאָבזשינער קלויסטער־ברידער. אָבער נאָך דער בראָדניצער מפּלה אין יאָר 1225, ווען די דאָבזשינער מאָנאַכן האָבן קאַפּיטולירט צו פּרייסן, זענען זיי אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דער ברירה צו פאַראייניקן זיך מיט די קרייץ־צוגלער. נאָר גרויס איז געווען זייער שנאה צום דייטשן אַריינדרינגלער וועלכער האָט זיך גוט געגעבן צו דערקענען ווער ער איז און ער האָט נאָך בדעה צו טאָן. זיי באַזעצן זיך דעריבער אויפן דראָהיטשינער שלאָס, פאַרפעסטיקן זיך דאָרט און צעקלאַפּן יאַטשוויעזש, וועלכע פּרובירט פון צייט צו צייט אויפהייבן דעם קאָפּ.

נאָר איידער די דאָבזשינער האָבן באַוויזן אויף אַן אמת זיך איינאָרדענען אין דער פעסטונג, איז פּוילן פאַרפלייצט געוואָרן פון דער טאָטערישער אינוואַזיע. איין קאָלאָנע פון די טאָטערן איז צוגעקומען צום דראָהיטשינער שלאָס, ווו ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ

קורצע, נאָר פאַרביסענע שלאַכט. ווען די מאָנאַכן וואָלטן באַוויזן ביז דער אינוואַזיע גוט צו פאַרפעסטיקן דעם שלאָס, וואָלטן זיי בײַגעשלאָגן די טאָטערן, וועלכע זענען ניט געווען גרייט צו באַלאַגערונג, נאָר זיך אויסגעצייכנט אין אָפענע שלאַכטן. נאָר דעם ניט צוגעגרייטן שלאָס האָבן די טאָטערן דעראָבערט אין ערשטן שטורעם־אַטאַק, די אײַנוווינער דערהרגעט, די שטאָט כמעט אין גאַנצן פאַרניכטעט און אַנטלויפנדיק פאַרן אַנגרייפנדיקן מאַזאָווישער פירשט, האָבן זיי אין ריקצוג חרוב געמאַכט די ישובים און שטחים אַרום דעם שלאָס. מיט דעם ענדיקט זיך די געשיכטע פון די דאָבזשינער מאָנאַכן, וועלכע ווערן שוין שפּעטער ניט דערמאָנט. זייערע רעשטלעך האָבן זיך דערנאָך צונויפגעגאָסן מיט די קרייץ־צוגלער.

די טאָטערישע אַגרעסיע האָט דערפירט צו אַ גרויסן כאַאָס אויף פּאָדלאַשע. די צערודערונג האָט באַשלאָסן אויסנוצן מענדאָג, בפרט אַז די יאַדזשווינגן פירן אַדורך כסדרדיקע אָנפאַלן אויף רייסישער ערד, רויבנדיק און פאַרניכטנדיק דאָס לאַנד אָן רחמים. אין יאָר 1241 האָט ערדזשיוויל, מענדאָגס זון, זיך געלאָזט אויף פּאָדלאַשע און ניט אַרויסנעמענדיק די שווערד פון שייד, האָט ער אײַנגענומען דראָהיטשין, וועלכע געהערט פון איצט צו ליטע, צוזאַמען מיט בריסק, מעלניק, סוראַזש, ביעלסק און בראַנסק. אָבער די יאַדזשווינגן הערן ניט אויף מיט זייערע איבערפאַלן אויף די שטחים פון די רייסישע פירשטן. ביז דער וואָלאָדזשימירער פירשט וואַסיל ראָטשיסלאַוואָוויטש, האָט אין יאָר 1248 אָנגעיאָגט די גרויסע כוחות פון די יאַדזשווינגן, ביי די טויערן פון דראָהיטשין. עס הייבט זיך אָן די שלאַכט אויף לעבן און טויט. ניט געקוקט אויף דער איבערוויגנדיקער צאָל און פאַרביסענעם ווידערשטאַנד זייערן, זענען די יאַדזשווינגן צעקלאַפּט געוואָרן. איצט געהערט דראָהיטשין ווידער צו רייסן. די צעקלאַפּטע יאַדזשווינגן שטעלן זיך צוריק אויף די פיס און גרייטן נייע אַגרעסיעס. די רייסישע פירשטן פאַרשטייען, אַז איינציקווייז וועלן זיי קיינמאָל ניט באַזיגן און באַצווינגען יאַטשוויעזש און זיי באַשליסן צונויפרופן אין דראָהיטשין אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע רייסישע פירשטן, כדי באַהאַנדלען סטראַטעגישע פּלענער און מיליטערישע צוגרייטונגען. די הויפּט־אָנפירונג איבער אַלע פירשטלעכע אַרמייען האָט איבערגענומען דער קיִעווער און האַליטשער פירשט דאַנילאָ ראָמאַנאָוויטש, וועלכער האָט אין יאָר 1251 זיך געלאָזט פאַרפאָלגן די יאַדזשווינגן אין די וועלדער, זומפּן און אויף אַ סך יאָרן זיי אָנגעשראָקן.

דאַנילאָס נצחון טרייבט אים צו דערקלערן זיך אַלס מאָנאַרך פון רייסן און אין די יאָרן 1251—1255 לעבט דראָהיטשין איבער פייערלעכע און גרויסע טעג אין איר געשיכטע אין דער תקופה פון מיטלאַלטער. דאַנילאָס קרוינונג קומט פאָר אין דראָהיטשין. אין אירע מויערן קומען צו דער קאָראָנאַציע די פירשטן פון רייסן, הויכגעשטעלטע געסט און גייסטלעכע און אַ ספּעציעלער פּויפּסטלעכער שליח פון רוים, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך די קרוין און קיניגלעכע עמבלעמען.

שנעל ווערן פאַרגעסן די טעג פון פּראַכט און גלאַנץ. אין יאָר 1260 זענען די טאָטערן ווידער באַפאַלן פּוילן און צוליב זייער גרויסן איבערוויגנדיקן כוח, האָט דאַנילאָ זיך אָפּגעטראָגן פון דראָהיטשין און איבערגעלאָזט די שטאָט אויפן באַראָט פון טאָטערישן אַגרעסאָר. בעצם איז דאַנילאָ שטאַרק געווען אַנטוישט פון דעם פּויפּסט, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט הילף און דערפאַר האָט ער אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן — אָבער קיין איין זעלנער האָט די קריסטלעכע וועלט נישט געגעבן דאַנילאָן צו הילף.

די אָנשיידנדיקסטע שלאַכט מיט די יאַדזשווינגן איז פאָרגעקומען אין יאָר 1264, הינטער בראַנסק. די יאַדזשווינגן, פּונקט ווי די גאָטן, האָבן געגלייבט אין גלגול פון די נשמות, אַ מין יענע וועלט — און דערפאַר זיך געשלאָגן ביזן לעצטן. אין דער שלאַכט איז אויך געפאַלן זייער עלטסטער קומאָט, וועלכער איז, לויט אַ לעגענדע, באַגראָבן געוואָרן אין אַ גאָלדענער טרומנע, ניט ווייט פון דראָהיטשין, ביים בוג (ניט איין איינוווינער האָט נאָך ביזן הייניקן

טאָג — 1938, געזוכט קומאַטס גאָלד, אַזוי איז געווען פאַרוואַרצלט די לעגענדע וועגן זיין קבורה אין שטאָט).

אין יאָר 1274 האָט איינער פון די ליטווישע פירשטן, טראַידען, אַפּגענומען ביי דאַנילאָ־וויטשן דראָהיטשין און אויף שטענדיק איינגעשלאָסן די דראָגבערטע פּאָלעשע און פּאָדלאַשע אין דער ליטווישער מלוכה, וווּ זיי זענען שוין פאַרבליבן ביזן יאָר 1341, ווען ס'איז געשטאָרבן דער גרינדער פון ווילנע.

וועגן די יאַדזשווינגן אַלס אָרגאַניזירטן שבט, האָט מען מער ניט געהערט. ווי עס שרייבט העניג, האָבן זיי אין יאָר 1282 געליטן די שרעקלעכסטע מפּלה פון לעשעק דעם שוואַרצן, וועמענס אַרמייען האָבן זיי צעקלאַפּט אויף די שטחים צווישן נאַרעוו און ניעמאַן. אין אַ יאָר אַרום האָבן די קרייץ־צוגלער מיט די טשעכן פאַרענדיקט די מאָרד־מלאכה איבער די יאַדזשווינגן און זייער מלוכה — יאַטשוויעזש — האָט אויפגעהערט עקזיסטירן.

אויך אַלס ליטווישע שטאָט, האָט דראָהיטשין אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע גלגולים. אין יאָר 1357, אויפן סמך פון אַ הסכם צווישן אַלגערד געדימינאָוויטש מיט קאַזשימיעזש דעם גרויסן, ווערט די שטאָט איבערגעגעבן קיעסטוטן, וועלכער פירט אַ ליטווישע פּאָליטיק קעגן די קרייץ־צוגלער, בעת יאַגעללאָ איז נוטה צום קריסטנטום — און אַ סברא, אַז דער לעצטער האָט משפּיע געווען אויף די קרייץ־צוגלער ז'יי זאָלן אָנפאַלן אויף קעיסטוטס פירשטנטום — און אין יאָר 1830 איז דראָהיטשין באַרויבט און חרוב געוואָרן. קעיסטוטס זון, וויטאָלד, פאַרנומען מיט אַלגעמיין־מלוכהשע ענינים פון ליטע, האָט ניט קיין צייט צו טראַכטן וועגן דראָהיטשין, וועלכע ווערט פאַרקאָפט דורך קעיסטוטס אײדעם, דער מאַזאָווער פירשט יאַנוש. יאַגעללאָן פאַרדריסט זייער, הלמאי אַזעלכע גרויסע שטחים זענען אַריינגעפאַלן צו מאַזאָוושע און אין יאָר 1383 באַלאַגערט ער פּערזענלעך דראָהיטשין, מיט גרויסע כוחות. אַ סך טעג האָט געדויערט די באַלאַגערונג, ווייל יאַגעללאָ האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, ביז ער האָט באַשלאָסן אונטערצינדן די שטאָט פון עטלעכע זייטן און אירע פאַרטיידיקער אויסגעשאָכטן ביזן לעצטן. אַליין אין שטאָט זיך ניט באַזעצט, ווייל זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסער חורבה. נאָך מער: אין אַ יאָר אַרום האָט דער ליטווישער יאַגעללאָ זיך איבערגעבעטן מיט וויטאָלדן, וועלכער האָט דערווייל געפונען שוץ ביי די קרייץ־צוגלער און צוזאַמען מיט זיי אַדורכגעפירט אַפּטע איבערפאַלן אויף דער ליטווישער ערד. אַזוי ווי יאַגעללאָ האָט שוין געהאַט פאַרטראַכט דעם פּלאַן וועגן פאַראייניקן פוילן מיט ליטע (די שפּעטערדיקע „לובלינער אוניע"), איז אים בעסער געווען צו האָבן אויף זיין זייט דעם איינפלוסרייכן וויטאָלד און דערפאַר אים צוריק געגעבן דעם פאָטערס ירושה — עטלעכע שטעט, צווישן זיי אויך דראָהיטשין.

אָבער ניט אויף לאַנג, בסך־הכל 6 יאָר. ווייל אין 1390, שוין אַלס פוילישער קיניג, האָט יאַגעללאָ ווידער אָפּגענומען ביי אים די גיטער אויף פּאָדלאַשע, כדי זיי אַוועק שענקען דעם מאַזאָווער פירשט יאַנוש, צוזאַמען מיט דראָהיטשין, אויך די ערטער מיעלניק, ביעלסק, סוראַזש — ווייל ער האָט געוואָלט זיך דערנענטערן און געווינען פריינד צווישן די אַנגעזעענע פוילישע פּערזענלעכקייטן. וועלנדיק אויך דערשיינען אַלס טרייער קאַטאָליק, שטעלט ער אויף אויף זיין חשבון אין דראָהיטשין אַ הילצערנעם קלויסטער (1392), וואָס האָט דערהויבן דעם אָנזען פון שטאָט.

אין יאָר 1401 האָט וויטאָלד געשלאָסן אין ווילנע אַ פּאַקט מיט יאַגעללאָן און דערפאַר באַקומען דעם טיטול ליטווישער גרויספירשט. וויטאָלד לעבט איצט בשלום מיט די פּאָליאַקן. ער ווייזט אָבער אויך אַרויס זיין טאָלעראַנטע באַציונג צו דער יידישער באַפעלקערונג".

## יידישע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דראָהיטשין

די ערשטע דערמאָנונג וועגן אַחינו בני ישראל אין שייכות מיט דראָהיטשין, געפינען מיר אין יאָר 1408, ווען וויטאָלד האָט אַלס הערשער פון דראָהיטשין אונטערגעשריבן דעם אַקט פון פרייהייטלעכע רעכט פאַר יידן אין גאַנץ ליטע. אין יאָר 1444, ווען קאַזשימיעזש האָט אויך דראָהיטשין פאַרעכנט צו די 15 פריווילעגירטע און אָנגעזעענע שטעט אין ליטע, איז דער באַשטאַנד פון די איינוווינער געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער און נישט איינהייטלעכער. אויפן ערשטן אָרט — דער רוסישער עלעמענט; דערנאָך — די מאַזאָווישער און ליטווינער; אויפן דריטן אָרט — די יידן, וועלכע זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט און כמעט אַלע ליטווישע שטעט — און פריער צי שפּעטער האָבן זיי באַקומען גרעסערע פרייהייטן פאַר האַנדל און מלאכה.

אין פוילן האָבן יידן געמעגט וווינען אין שטעט, נאָר אויפן סמך פון ספּעציעלע דער־לויבענישן פון די הערשנדיקע מלכים. זייער יורידישע לאַגע האָט רעגולירט באָלעסלאַוו פּאָבאָזשני, דער קאַלישער פירשט, וועלכער האָט אין יאָר 1264 אַרויסגעגעבן זייער טאָלעראַנטע פּריווילעגיעס פאַר יידן. דראָהיטשין איז אין יענער תקופה געווען איבערפולט מיט יידן. דער האַנדל מיט תבואה און וואַקס אַנטוויקלט זיך זייער.

אין יאָר 1520 איז די אַנטוויקלונג און וווקס פון דראָהיטשין דערגאַנגען צום קולמינאַציע־פּונקט. אויסער די רוסן, פּאָליאַקן, דייטשן, אוקראַינער, אַרמענער און אַסימילירטע טאַטערן — געפינען זיך פיל יידן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט קליינהאַנדל און אַלס אייגנטימער פון שענקן און קרעטשמעס.

די געשיכטע דערציילט וועגן אַ גרויסער שריפה וואָס איז אין יאָר 1631 אויסגעבראָכן אין דראָהיטשין — און אויסער די פאַרברענטע הייזער, האָבן אויך געקענט פאַלן אַ קרבן אַלע יידישע איינוווינער פון שטאָט. די פלאַמען האָבן גלייכצייטיק אַרומגענומען עטלעכע גאַסן. נאָר די ענערגישע האַנדלונג פון דער באַפעלקערונג האָט לאָקאַליזירט די שריפה און אויסגעמיטן די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון דער שטאָט. די באַפעלקערונג, „דעמאָראַליזירט פון די אָפטע מלחמות", ווי עס שרייבט ווערעמיעי, האָט באַשולדיקט אין דער שריפה די יידן — און די שטימונגען קעגן זיי זענען געווען זייער אָנגעשטרענגטע און געשפּאַנטע. ווען מיט זעקס יאָר שפּעטער ברעכט ווידער אויס אַ שריפה אין דראָהיטשין, און די פאַרברענטע הייזער און געשעפטן רופן אַרויס פּאַניק, שרעק און זכרונות פון דער ניט ווייטער פאַרגאַנ־גענהייט — זעט מען דערין ניט נאָר אַ פאַטום, אַ וויסטן גורל, נאָר אויך — אַ יידישע קנוניה. דער פאַרדאַכט מיט זעקס יאָר צוריק ווערט איצט פאַרוואַנדלט אין אַ אָפענער באַשולדיקונג. מען באַפאַלט יידישע הייזער, מען מאַכט חרוב געשעפטן און שענק. יידישע מענער און פרויען ווערן אַרויסגעשלעפּט אויפן רינעק און ווערן דאָרט געשלאָגן מכות רצח. עטלעכע יידן האָט מען דערמאָרדעט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן. דער פּאָגראָם וואָלט אָנגענומען אַ מער בלוטיקן פאַרנעם, ווען נישט די באַלדיקע און ענערגישע רעאַגירונג פון די אָרטיקע גלחים און מאָנאַכן. די פראַנטשישקאַנער, זעענדיק אויף וואָס עס פאַרנעמט זיך, האָבן געלאָזט אין גאַנג די גלאָקן פון מאַריאַנישן קלויסטער, רופנדיק די צעיושעטע קריסטלעכע איינוווינער זיי זאָלן זיך באַהערשן און אָפּשטעלן די אומיושרדיקע און אוממענטשלעכע נקמה. די מאָנאַכן איז געלונגען צו באַרויקן די געמיטער און זיי האָבן שפּעטער אָרגאַניזירט הילף די געליטענע פון פּאָגראָם יידן. דאָס יאָר 1637 איז בכלל געווען פאַר דראָהיטשין אַ יאָר פון אומגליקן.

מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, איז אין דראָהאָטשין אַדורכגעפירט געוואָרן אַ פאָלקס־ציילונג, וועלכע באַווייזט, אַז אין 1861 זענען אויף דער רוסישער זייט געווען 315 איינ־וווינער: 182 קאַטאָליקן, 88 פּראַוואָסלאַוונע, 145 יידן, וועלכע האָבן געלעבט פון קליינהאַנדל און מלאכה, ווין־הייזער — 34.

אויף דער צווייטער זייט דראָהיטשין זענען רעגיסטרירט געוואָרן 1402 פּערזאָן: 384 קאַטאָליקן, 520 פּראַוואָסלאַוונע, 498 יידן.

שווער צו זאָגן, צי די דאָזיקע פּראָפּאָרץ פון דער יידישער לגבי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, האָט אָנגעהאַלטן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

ווי באַוווסט איז אין גאַנץ פּוילן אַדורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1931 אַן אַלגעמיינע פאָלקס־ציילונג — און פון איר האָבן מיר אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן מאַטעריאַל פון דראָהיטשין — סיי לויט דער צאָל איינוווינער, געביידעס, אינסטיטוציעס, פּראָפעסיעס וכד׳. אין דער פריער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע פון דראָהיטשין פון פעליקס זיגמונט ווערעמיעי ווערט אויף ז׳ 132 אָנגעגעבן די פאָלגנדיקע ציפערן בנוגע דעם יאָר 1931:

צאָל גאַסן — 18, וווין־הייזער — 358, דערפון הילצערנע 329, געמויערטע 29. דער שטח פון שטאָט פאַרנעמט אַנדערהאַלבן קוואַדראַט־קילאָמעטער. דאָרפישע ווירטשאַפטן — 227, האַנדלס־אונטערנעמונגען — 58.

בנוגע דער באַפעלקערונג: אין יאָר 1935 האָט איר צאָל באַטראָפן 2454. דערפון: 1770 מענער, 1284 פרויען. קאַטאָליקן — 1457; פּראַוואָסלאַוונע — 266.

| | | |
|---|---|---|
| פּאָליאַקן | — | 1668 |
| רוסן | — | 75 |
| יידן | — | 771 |

באַשעפטיקונגען: לאַנדווירטשאַפט — 52%, אינדוסטריע — 5%, האַנטווערקעריי — 15%, האַנדל — 25%, אַנדערע — 3%.

אין אַ פּוילישער אויסגאַבע פון יאָר 1937, וווּ עס ווערן באַשריבן די טוריסטישע אייגנשאַפטן פון דראָהיטשין, איז צוו. אַנד. אויך דערמאָנט געוואָרן דאָס האָטעלעכל („2 צימערן מיט 2 בעטן") אין רעסטאָראַן פונעם ייד ב. לעווינטאַן. מיט וואָס פאַרא מאָדנע געפיל לייענען זיך איצט די שורות, וועלכע זענען צו דער כאַראַקטעריסטיק פון שטעטל אוודאי ניט פרעמד. דאָס איז די שילדערונג און אינפאָרמאַציע פון דראָהיטשין בנוגע דער טוריסטיק צו איר, ווי עס באַשרייבט דאָס מ. אָרלאָוויטש אינעם „אילוסטרירטער וועגווייזער איבער דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדסטווע", דערשינען אין יאָר 1937 אין ביאַליסטאָק. אין אַ גרעסערער אַרבעט (ז״ז 185—180) ווערט אויך איבערגעגעבן די געשיכטע פון שטאָט און אירע אַלטערטימלעכקייטן:

דראָהיטשין — אַ שטאָט מיט אַ רייכער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, ליגט אויפן הויכן רעכטן ברעג פון בוג. איצט — אַ שטעטל מיט 2400 איינוווינער, פון וועלכע עס זענען בעת דער לעצטער פאָלקסציילונג אין יאָר 1931 פאַרצייכנט געוואָרן: 1357 פון קאַטוילישן גלויבן, 710 יידן און 256 פּראַוואָסלאַוונע, הויפּטזעכלעך פון דער פּוילישער באַפעלקערונג.

דער צופאָר: פון דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע סעמיאַטיטש, ווייט פון דראָהיטשין 21 קל״מ. מיט אַ פורל — 5 זלאָטעס. עווענטועל — צופאָרן מיט אַן אויטאָבוס פון פּ.ק.פּ. (באַן־דירעקציע) ביז סעמיאַטיטש (70 גראָשן) און פון דאָרט, מיט אַ פּריוואַטן אויטאָבוס — קיין דראָהיטשין (אַנדערטהאַלבן זלאָטעס). דורך דראָהיטשין קורסירן דריי מאָל אין טאָג אויטאָבוסן אויף דער ליניע וואַרשע—סעמיאַטיטש. זיי שטעלן זיך אָפּ אויף 15 מינוט אויפן רינעק אין דראָהיטשין. רעסטאָראַן פון ל. וואַשילעווסקי אויפן רינעק, מיט אַ צימער מיט 2 בעטן, וווּ מען קען איבערנעכטיקן. אויסער דעם קען מען איבערנעכטיקן אין דער פּיוואַרניע פון ב. לעווינטאַן אויף דער פּילסודסקעגאַ־גאַס (2 צימערן צו 2 בעטן). אַן אַכסניה פאַר שול־אויספלוגן אין דער מיידל־גימנאַזיע (20 ערטער) און פאַר יינגלעך (10 ערטער), אין גימנאַזיע אַ. נ. פון קראַשעווסקי (נאָר בעת די פעריען). אויסער דעם קענען שול־אויספלוגן איבערנעכטיקן אין

אינטערנאַט פון דער ביסקופּישער גימנאַזיע. אַ סטאַציע פאַר קאַיאַקן און שיפלעך אויפן בוג. טאַרגעס — יעדער מאָנטיק. יאַרמערק — יעדער מאָנטיק נאָכן ערשטן פון חודש. דער יערלעכער יאַריד — פון 28סטן ביזן 30סטן אָקטאָבער.

מיט אַ 20 יאָר שפּעטער (1956), איז אין וואַרשע דערשינען די 2־בענדיקע אויסגאַבע „ווערטערבוך פון טוריסטישער געאָגראַפיע פון פוילן" — און ווי דער שטייגער, אַ ניט־גרויסע נאָטיץ וועגן דראָהיטשין, וועלכע ווערט פאַרגעשטעלט אַלס שטאָט, ביעלסקער פּאָוויאַט, ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדסטווע. פאַרמאָגט אַ 1400 איינוווינער. די נאָענטסטע באַן־סטאַציע — סעמיאַטיטש, אויף דער ליניע שעדלעץ—טשערעמכע, אַ 200 קילאָמעטער ווייט אויף מזרח. דער צופאָר מיט אַן אויטאָבוס פון סעמיאַטיטש. דראָהיטשין ליגט אויפן רעכטן הויכן ברעג פון טייך בוג, אויפן דרומדיקן עק פון דער ביעלסקער הויכקייט. דער קעגנאיבערדיקער לינקער ברעג איז פלאַך און זומפּיק.

...אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז דראָהיטשין געווען אַ קליינער צענטער פון לאָקאַלן באַטייט פון לאַנדווירטשאַפט־האַנדל־האַנטווערקעריי.

מיט דער כאַראַקטעריסטישער לאַגע אירער, דערמאָנט דראָהיטשין פּלאָצק, אָדער צווימיר (סאַנדאָמיעזש) א/ד ווייסל. פונעם שלאָסבאַרג, וווּ ס'איז אַמאָל געשטאַנען דער פאַרטיידיקונג־שלאָס, אַנטפּלעקט זיך אַ שיינע לאַנדשאַפט אויפן פּאַן פון בוג. טראָץ דער שיינער לאַנדשאַפט, אַנטשפּרעכט ניט דער איצטיקער אויסזען פון שטאָט איר פאַרגאַנגענהייט. די לאַנגע תקופה פון פאַרנאַכלעסיקונג האָט געלאָזט אירע סימנים. דער צענטער פון שטאָט באַשטייט פונעם רינעק, אַרומגערינגלט מיט קליינע הייזקעס, געדעקט מיט שטרוי...

☆

היינט, 25 יאָר נאָכן חורבן פון דער יידישער דראָהיטשין, זעען אויס די אַלע מאַטעריאַלן פון דער ניט ווייטער פאַרגאַנגענהייט פון שטעטל, ווי געגומען פון אַן אַנדערער פּלאַנעטע, עפּעס אַן אַנאַכראָניזם, אַן אומוואַרשיינלעכקייט... אמת, דראָהיטשינס געשיכטע איז טאַקע געווען רייך אין קאַטאַקליזמען — נאָר דער אויבנאָן פון בעסטיאַלישקייט, מאַסן־מאָרד, אויס־הונגערונג, פּייניקונג און ראַפינירטן סאַדיזם—געהערט אומבאַדינגט די דייטשן פון 20סטן יאָרהונדערט אין זייער אויסראָטונגס־פּאָליטיק כלפּי דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אַ קווינטעסענץ פון די אַלע גרוילטאַטן מצד די יאַדזשווינגן און טאַטערן, קרייץ־צוגלער און ליטווינער, פּאָליאַקן און רוסן — נאָר אינספּירירט, פּלאַנירט און אויסגעפירט מיט דייטשער פּינקטלעכקייט און היטלעריסטישער אַכזריות, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון אַ 700 דראָהיטשינער יידן — מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש־השם...

(ספר זכרון לקהילת דרוהיטשין, ת"א 1969)

## רשימה פון רעצענזיעס איבער די יזכור־ביכער, רעדאַגירט פון מחבר, זיינע איבערזעצונגען און אַנדערע ביכער

יוסף מילנער / יזכור־בוך פון שטעטל מאַרקושאָוו (אונזער וועג, פּאַריז, 26.10.56)

א. וואָלף־יאַסני / דאָס יזכור־בוך פון שטעטל מאַרקושאָוו (ל״נ ת״א, 22.6.56)

חורבן און גבורה פון שטעטל מאַרקושאָוו (פּאַריזער צייטשריפט, יולי־סעפּט. 56')

ד. נײמאַרק / צוויי נייע חורבן־ביכער — וועגן בוטשאַטש און מאַרקושאָוו („פאָרווערטס" נ. י., 16.9.56)

שלמה אשכנזי / אַ בוך וועגן יידישער גבורה (אד״וו ת״א, 8.5.56)

א. וואָלף־יאַסני / קהילה רוהאַטין והסביבה (ל״נ ת״א, 5.10.62)

ש. וואָרזאַגער / ספר ווישקאָוו (י״ש ת״א, 26.8.64)

מ. שנער / „ספר וישקאָוו" (פאָלקסבלאַט ת״א, 11.8.65)

שמחה סנה / ספר ווישקאָוו (די יידישע צייטונג, ב. איירעס, 23.10.64)

ד״ר ל. זשיטניצקי / ספר ווישקאָוו („די פּרעסע", ב. איירעס, 16.10.64)

אברהם באַראַבאַן / יזכור־בוך פּשיטיק (יו״צ ת״א, 16.11.73)

יוסף פרידלענדער / פּנקס פּשיטיק (פ״ב ת״א, 73')

נתן עק / פּאַרשפּעטיקטע אַנדענק־ביכער (צק״ט נ. י., אַפּריל 76')

חיים לייב פוקס / ספר זגערזש (אידישער קעמפער, נ. י., 19.11.75)

ש. וואָרזאַגער / ספר זגערזש (י״ש ת״א, 19.11.75)

י. שמולעוויטש / אַ פאַרשווונדענע וועלט (פאָרווערטס, נ. י., 4.7.75)

ל. דאַמאַנקעוויטש / ספר דעמבלין־מאָדזשיץ (א״וו פּאַריז, יוני 70')

י. שמולעוויטש / דער פאַרשטומטער ניגון (פ״וו נ. י., 25.7.70)

חיים לאַנדאַו / אַ גרויסער פּנקס לזכר אַ קליינער קהילה (י״ש ת״א, 5.4.70)

יוסף פרידלנדר / על שלושה ספרי קהילות (ספר חורוסטקוב) (מעריב ת״א, 14.3.69)

י. צ. שאַרגעל / ספר באָראָסטקאָוו (י״ש ת״א, 29.5.68)

י. באָרווין־פרענקעל / ספר פאַלעניץ (א״ש פּאַריז, 17.4.67)

ל. דאַמאַנקעוויטש / ספר פאַלעניץ (א״וו פּאַריז, 1.8.69)

ה. בוים / ספר פאַלעניץ — אַ וויכטיקער דאָקומענט (נ״פ פּאַריז, 25־26.3.67)

ל. מאַקאָווסקי / ספר פאַלעניץ (א״וו פּאַריז, 8.12.67)

י. מ. לעווין / ספר ניעסוויזש (מ״ב מאַי־יוני 78')

ל. מאַקאָווסקי / דאָס ספר פון קוטנע און אומגעגנט (א״וו פּאַריז, 22.11.68)

מרדכי חלמיש / יזכור־ביכער: ספר קוטנה והסביבה; רובּיזשעוויטש, דערעווּנע און אומגעגנט (י״ש 5.3.69)

י. איסערלעס / „מיאַסטאָ פּשעמישל" („אָד נאָוואָ" ת״א, 16.3.65)

ק. שמעון / ספר קראשניק; ספר פּשיטיק (ל״נ ת״א, יוני 73')

פּראָפ׳ טוביה גראָל / אַ מאָנומענט פאַר אַ פאַרשניטענעם יידישן ישוב (נייע פּרעסע פּאַריז, יולי 1973)

י. שמולעוויטש / די טראַגישע געשיכטע פון קראשניק (א״וו פּאַריז, 7.1.74; פר״וו)

אהרן ווייס / עם הופעתם של 2 ספרי יזכור: ספר פּשיטיק, ספר קראשניק („בחינות" י—ם־ת״א תשל״ב)

י. א. ראָנטש / אַ גרויסער ספר פון אַ קליין שטעטל (מאָרגן־פרייהייט, נ. י. 24.2.80; „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, 17.5.80)

יצחק טורקאָוו / שלמה מיטעלמאַן: מכתבים מן החזית; בריוו פון פראָנט (פס״ב ת״א, מאַי 68', מס׳ 6)

שמעון קאַנץ / אינטימע בריוו — גורל־בוך פון יידישן קאַמף און גבורה (ל״נ ת״א, 14.6.68)

משה קויפמאַן / פראַנט־בריוו פון אונדזערע אַלעמענס ברידער (ד״פ ב. איירעס, 22.8.68)

פאַליק לערנער / „בריוו פון פראָנט״ — אַן אָפּקלאַנג פון אַ טראַגישן עפּילאָג (ד״פ ב. איירעס, 21.8.68)

י. צודיקער / בריוו פון פראָנט — אַ טראַגישער דאָקומענט פון קאַמף קעגן די נאַציס (דױ״צ, 28.8.68)

י. האָרן / אַ געשטאַלט פון אַ יידישן פּאַרטיזער אין אַמאָליקן לובלין (דױ״צ ב. איירעס, 26.8.68)

ש. ל. שניידערמאַן / יידישער זעלנער אין פּוילישער אַרמיי באַשרייבט די ערשטע באַפרייטע יידישע
שטעטלעך (טמ״זש נ. י., 8.12.68)

ש. ל. שניידערמאַן / ייד וואָס איז געפאַלן אין קאַמף פאַר וואַרשע (טמ״זש נ. י., 19.1.69)

אפרים שרייער / דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (י״ש ת״א, 23.6.600; דמ״ל מעקסיקע, 9.9.60)

ש. וואַרזאַגער / דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (פס״ב ת״א, 24.9.59; אר״וו פּאַריז, 1959)

משה גראָסמאַן / מרדכי אורן — דער פּראַגער אַרעסטאַנט („היימיש״ ת״א, אָקט. 59')

א. וואָלף־יאַסני / דער עדות און דער קרבן (ל״נ ת״א, 16.10.59)

י. ראַפּאַפּאָרט / דער הערשער איז תמיד גערעכט (צק״ט נ. י., מאַי־יוני 1960; דאָס יידישע וואָרט,
סאַנטי דע טשילע, 30.10.59)

אַ בוך וואָס באַשולדיקט און פאָדערט רעהאַביליטאַציע (איי״נ מעלבורן, 4.3.59)

משה שולשטיין / די זעקס טעג פון יד מרדכי (אר״וו פּאַריז, יוני 70')

א. וואָלף־יאַסני / די העלדן פון ישראלס באַפרייונג־קריג (ל״נ ת״א, 9.6.67; איי״נ מעלבורן, 11.67)

יוסף פרידלענדער / וואָס דערציילן די קעמפערס? (פס״ב ת״א, מערץ 1970)

משה שולשטיין / וואָס די קעמפערס דערציילן... (אר״וו, פּאַריז)

שמעון קאַנץ / ספר קעלץ („לעצטע נייעס״ ת״א, פעבּרואַר 1982)

# פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

## הילפֿספֿאָנד פֿאַר יידיש־שאַפֿונגען

### לעצטנס דערשינענע ביכער

אַברהם סוצקעווער / דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען
ציייכענונגען: יאַני פּײַן

הירש אָשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען, לידער און פּאָעמעס

חיים זעלצער / שאָטנס אין מדבר, לידער און באַלאַדן

דב סדן / טויערן און טירן, עסייען און עטיודן

דאָרע טייטלבוים / ביים טויער פֿון מעת־לעתן, לידער

דוד ספֿארד / שפּאַצירן אין דער נאַכט, לידער

ישראל אייזענבערג / פֿאַרוואָס גראָד איך?

מ. אַליצקי / לידער פֿון פֿריער און פֿון איצט

משה שטאַרקמאַן / געקליבענע שריפֿטן, בוך 2, צוזאַמענגעשטעלט: י. צ. שאַרגעל

שלמה שנהוד / לידער פֿון הייליקן עפּלפֿעלד. צייכענונגען: פּנחס שער

ישעיהו שפּיגל / געשטאַלטן און פּראָפֿילן — עסייען. באַנד צוויי

חנה שליט / אין שטענדיקן צאַפּל, לידער

מנוחה ראַם / שטיינער, ח"י דערציילונגען

שרה שבת / פֿון היים צו היים, לידער

יעקב צבי שאַרגעל / קוואַלן אַרום געצעלט — צווישן שרייבער און ווערק בוך צוויי.

יצחק יאַנאַסאָוויטש / אַברהם סוצקעווער זײַן ליד און זײַן פּראָזע

יעקב י. מייטלים / פֿון ווײַטן אַמאָל ביזן היינט, פֿאָרשונגען און עסייען

הדסה רובין / אין צוגווינט, לידער.

הירש אָשעראָוויטש / ביים עץ הדעת, לידער

משה זאַלצמאַן / די גרויסע ענדערונג אין יידישן לעבן אין פֿראַנקרייך

עלי שעכטמאַן / רינגען אויף דער נשמה — ערשטער און צווייטער בוך

חיים זעלצער / זיבן פֿון איין שיף — באַלאַדעס און באַלאַדיש

דב סדן / צווישן ווײַט און נאָענט — עסייען, שטודיעס, בריוו

משה יונגמאַן / מיין טאַטנס פּרנסות — ליד און באַלאַדע

אַסיאַ / ניט קיין אַלבאַטראָס — לידער

אַברהם סוצקעווער / פֿון אַלטע און יונגע כתב־ידן

רבקה באַסמאַן / צעשאָטענע קרעלן, לידער. הילע און פּאָרטרעט: מולאַ בן־חיים

לילי בערגער / נישט פֿאַרענדיקטע בלעטלעך, ראָמאַן

שלמה רויטמאַן / פֿאַלקסטימלעכע לידער

אריה שמרי / איינזאַמלונג — עסייען, אָפּהאַנדלונגען, רעדעס.

[illegible]

J. H.